The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

847-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 139 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Monday, March 1st 1920 Vol. 2, No 16 דינסטאג, 1טען מארטש, 1920

פרעזידענט ווילסאן שרייבט אונטער „ריילראוד ביל“

וואשינגטאן, פעב. 29. פרעזידענט ווילסאן האט נעכטען אונטערגעשריבען דעם „ריילראוד - ביל“, נאכדעם ווי ער האט זיך דורכגערעדט מיט מר. פאלמער, פון יוסטיץ דעפארטמענט, און מר. היינס דעם גענעראל דירעקטאר פון די אייזענבאהנען.

דאס חתמה'נען פון דעם „ריילראוד ביל“ איז געווען אן איבערראשונג פאר פיעלע, וואס האבען געדענקט, דאס מר. ווילסאן וועט זיך מוזען רעכענען מיט דער שטארקער אפאזיציע, וואס די ארבייטער און פארמער ארגאניזאציעס האבען ארויסגעוויזען געגען דעם ביל. דיזע ארגאניזאציעס האבען געבעטען דעם פרעזידענט, דאס ער זאל וועטאאירען דעם קאמינג-העמס ביל.

אין די קרייזען פון די באהן-ארבייטער רעכנט מען, דאס צוליעב דעם וואס די אייזענבאהנען קעהרען זיך אום צו זייערע פריוואט אייגענטהימער, וועט זיין אונפארמיידליך א סטרייק באוועגונג.

עלען בארקער פון דער „יונייטעד בראדערהוד“ האט פאר זיין אפפאהרען קיין דעטראיט ערקלעהרט, דאס דער סטרייק באפעהל, וועלכען ער האט געהאט ארויסגעגעבען אויף דעם 17-טען פעב. איז פון איהם ניט צוריקגערופען נאר אפגעלעגט געווארען. ער האט געזאגט, דאס גלייך ווי ער וועט אנקומען אין דעטראיט וועט ער פארופען א פארזאמלונג פון די פרעזידענטען פון זיין „בראדערהוד“ צו באטראכטען די לאגע.

טימאטי שיע, פון א צווייטער באהן בראדערהוד, וועלכער האט קאנפערירט צוזאמען מיט אנדערע ארבייטער רעלעגאטען, מיט פרעזידענט ווילסאן, האט געזאגט, דאס וואשינגטאן וועט מארגען ארויסגעגעבען ווערען א סטייטמענט פון אלע ארבייטער עקזעקוטיוועס, וואס געפינען זיך אין וואשינגטאן.

די פיהרער פון די באהן-ארבייטער דענקען, דאס ס'וועלען פארקומען סטרייקס באטש זיי אליין זענען געגען, אז ביי די איצטיגע אומשטענדען וועלען די ארבייטער סטרייקען.

גלין ע. פלאמב, דער לאיער פון די באהן-ארבייטער, דענקט צו קעמפען אין געריכט געגען דעם „ריילראוד ביל“, ווייל נאך זיין מיינונג, איז ער ניט קאנסטיטוציאנעל.

סענאטארען וועגען שלום מיט רוסלאנד

וואשינגטאן, פעב. 28. לויט די מיינונגען פון פיעלע מיטגליעדער פון אמעריקאנעם סענאט, וועט די רוסישע סאוועט רעגירונג ווערען אנערקענט אין פארלויף פון איינינע טעג.

סענאטאר באראה, וועלכער איז א מיטגליעד פון דער סענאט קאמיטע נאכצוזוכען באלשעוויסטישע טעטיגקייט אין לאנד, האט זיך אויסגעדריקט, אז דאס אנפאנגען פון דיפלאמאטישע, ווי אויך קאמערציעלע באציהונגען מיט דער רוסישער סאוועטען רעגירונג איז א פראגע פון 10 טעג.

מעהר אויסגעשפראכענער איז סענאטאר פרענס פון מערילאנד. ער האט לעצטען פרייטאג אריינגעטראגען א רעזאלוציע אין סענאט, דאס אמעריקא זאל אנערקענען די באלשעוויקעס און באצאהלען זיי פאר די היזקות, וואס די אמעריקאנער ארמיי האט זיי, די באלשעוויקעס פאראורזאכט.

סענאטאר פרענס האט פאר צייטונגס-קארעספאנדענטען ערקלעהרט, אז דער אמעריקאנער סענאט האט פאר דער לעצטער וואך געביטען זיין שטעלונג צו דער סאוועטען-רעגירונג. ער דענקט צו מאן אלעם מעגליכעס, אז זיין אריינגעבראכטע רעזאלוציע וועגען אנערקענען די באלשעוויקעס זאל וואס שנעלער פארגעבראכט ווערען פאר דער סענאט קאמיטע איבער אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען.

רעדענדיג וועגען דעם, וואס די עליירטע האבען אויסגענוצט אמעריקא געגען רוסלאנד, האט סענאטאר פרענס געזאגט פאלגענדעס:

ס'איז געווען א טעות פון די אליאירטע צו פארלירען רוסלאנד. וואלטען די באלשעוויקעס פון אנפאנג אן אויך זיך גענומען די חובות, וואס די צארישע רעגירונג קומט פראנקרייך, וואלט אייראפא גאר ניט געווען אזוי ביטער און געגנעריש געשטימט קעגען די „סאוועטען“.

וועגען וואשינגטאנער סטייט - דעפארטמענט האט סענאטאר פרענס געזאגט אז ער זעהט ניט איין פארוואס די באאמטע פון סטייט-דעפארטמענט באטראכטען פאר א פארברעכען, דאס וואס מארטענס, דער באלשעוויסטישער אמבאסאדאר וויל צאהלען מיט גאלד פאר אמעריקאנער סחורות. „איך האב נאך קיינמאל ניט געהערט פון אזא פארברעכען“ — האט דער סענאטאר געזאגט — „אין אירגענד וועלכען ציוויליזירטען לאנד“.

פארענדיגט זיין אינטערוויו האט דער סענאטאר פון מערילאנד מיט פאלגענדע ווערטער:

„דאס פרייע פאלק פון די פאראייניגטע שטאטען דארף באגריסען דאס רוסישע פאלק אלס די באשעפער פון א צווייטער גרויסער רעפובליק“.

לעצטע אמעריקאנער טרופען אנגעקומען אין וולאדיוואסטאק.

וואשינגטאן, פעב. 28. היינט איז דא ערהאלטען געווארען א טעלעגראמע פון גענעראל גרייווס, אין וועלכער ער באריכטעט, דאס די לעצטע אפטיילונג פון די אמעריקאנער סיבירישע ארמיי איז אנגעקומען אין וולאדיוואסטאקער פארט.

פראנצויזישע באהן ארבייטער קעמפען פאר יוניאן רעכטע

פאריז, פעב. 29 — צוליעב דעם סטרייק אויף אלע אייזענבאהנען, איז דער באהן פארקעהר איבער גאנץ פראנקרייך זעהר צוקריפעלט. די באהן-צוגען וועלכע לויפען נאך ווערען געטריבען מיט דער הילף פון די מאבילעזירטע סאלדאטען פון דער באהן דיוויזיע וואס באלאנגט צו דער ארמיי, ציווילע מענשען וואלונטירען אויך צו העלפען דער רעגירונג.

פאדינגונגען ארויסגעשטעלט פון די סטרייקערס

די נאציאנאלע פעדעראציע פון די אייזענבאהן ארבייטער האבען נעכטען אוועק ארויסגעשטעלט אפיציעל די באדינגונגען אויף וועלכע זיי וועלען צוריקרופען דעם סטרייק.

מילעראן, דער פראנצויזישער פרעמיער, האט אין דעפוטאטען קאמער באשולדיגט די באהן ארבייטער, אז זייער ציעל איז א רעוואלוציאנערער. די פיהרער פון די סטרייקערס לייקענען עס אפ. זייערע פאדערונגען זענען, אז די יוניאן פון די באהן ארבייטער זאל אנערקענט ווערען; א פלאן זאל אויסגעארבייט ווערען וועגען פארבעסערען זייער לוין; עס זאל באלד באשטימט ווערען וועגען דעם צוקונפטיגען גורל פון די אייזענבאהנען, ד. ה. צי זיי זאלען בלייבען ביי דער רעגירונג אדער איבערגעגעבען צוריק צו די אייגענטהימער; און קיינער זאל ניט באשטראפט ווערען פאר'ן איצטיגען סטרייק.

די גענעראלע פעדעראציע פון ארבייטער האט אין א סטייטמענט ערקלערט, אז די באהן ארבייטער קעמפען אין איצטיגען סטרייק פאר זייער יוניאן רעכט און זי פארפליכטעט זיך צו שטיצען זיי מיט אלעם מעגליכעם.

פיעל ארעסטען וועלען געמאכט ווערען

די רעגירונג האט באשלאסען צו ארעסטירען די שרייבער פון דער צייטונג „לע ליבערטייר“ פאר אויפרייצענדע ארטיקלען. דיזע צייטונג איז פון דער רעגירונג פארמאכט געווארען.

אויך וועלען ארעסטירט ווערען דיא, וועלכע רעדען צו די מאבילעזירטע סאלדאטען צו מהאן זייער פליכט. פיעלע פון די מאבילעזירטע האבען זיך ניט אפגערופען.

סטרייקערס ווייזען צוריק מילעראנס פארשלאג

פאריז, פעב. 28. — די פיהרער פון דעם אייזענבאהן סטרייק האבען היינט זיך ענטזאגט אנצונעהמען פרעמיער מילעראנס פארשלאג, אז זיי זאלען צוריקגעהן צו דער ארבייט און דערנאך פארהאנדלען מיט דער רעגירונג.

סאלדאטען זענען צושטעלט געווארען אויף דער לענג פון אלע באהן ליניען.

די רעגירונג האט היינט איבערגענומען אלע טעלעפאנען פון געוואלין.

די סטרייק ארגאניזאציע האט ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג, דאס זי וועט ערלויבען צו פיהרען שפייז, אויב מ'וועט די סטרייקערס ערלויבען צו קאנטראלירען די צוגען, אויף וועלכע דאס עסענווארג ווערט איבערגעפיהרט.

ריכטער קריטיקירט פאליציי פאר צווינגען באשולדיגטע זיך מודה זיין

דעטעקטיווס פון דעטראיטער פאליס-דעפארטמענט זיינען שטארק געטאדעלט געווארען פון ריכטער דזשעפריס פון רעקארדערס קאורט פאר זייערע צוויפעלהאפטע מעטאדען וועלכע זיי באנוצען אין צווינגען אן ארעסטירטען פארדעכטיגטען פארברעכער זיך מודה צו זיין אין א פארברעכען, אנשטאדט צו קריגען גענוגענדע באווייזע געגען איהם.

דער ריכטער האט נעכטען צו נענומען פון דער דזשורי די קייס פון אווילקס רעגאווסקי און פעליקס יעגער, וועלכע זיינען פראצעסירט געווארען אויף דער באשולדיגונג אז זיי האבען דעם 9-טען נאוועמבער פון פארגאנגענעם יאהר געמאכט א האלד אפ אויף וויליאם דעי און צוגענומען פון איהם טויזענד דאלאר אין קעש. דער באראובטער מר. דעי וועלכער איז געווען אן עדות פאר דער אנקלאגע האט ניט געקענט רעקאגנאסצירען די באשולדיגטע אלס זיינע אנגריפער. און ווי באלד דער הויפט עדות האט ניט געקענט זאגען מיט באשטימטהייט, אז די באשולדיגטע זיינען די יענינע וואס האבען איהם בארויבט, איז בלויז געבליבען די איבערגאנג פון די דעטעקטיוו, וועלכע האבען באהויפטעט, אז די צוויי יונגע לייט האבען זיך פאר זיי מודה געווען אין דעם פארברעכען.

ריכטער דזשעפריס האט אבער ניט געקענט שטעלען אויף די דעטעקטיווס באהויפטונג און ניט האבענדיג קיין אנדערע באווייזע געגען די פארדעכטיגטע האלד-אפניקעס, האט ער צוגענומען די קייס פון דער דזשורי און זיי אינגאנצען באפרייט.

אין מארגענדיגען נומער „וועג“

פון אונזער גאסט י. ראביצאוויטש וועט אין מארגענדיגען נומער געדרוקט זיין אן ארטיקעל מיט'ן נאמען „חוטרה“, אין וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען בענטע פון דער הויז און פארקשאן האט אנסאמבל, וועלכער קומט קיין דעטראיט דעם 7טען ד. ח.

אין זיין מארגענדיגען ליטעראטישען רעדט זיך דער רעדאקטאר פון „וועג“, ב. י. גאלדשטיין איבער מיט דיא מתעסקים פון דעם אידישען האספיטאל, וואס זיינען פאראינטערעסירט מיט דיזער ארגאניזאציע דארפען דאס לייענען.

איהר האט אפשר געהערט פון דער מארמירעריין דזשאן ד'ארק? וועט איהר אינטערעסאנט זיין צו לייענען דאס שפאנענדע בלעטל געשיכטע וועגען איהר לעבען און ביטערען טויט באארבייט ספעציעל פאר'ן „וועג“ פון אונזער מיטארבייטער בן דניאל.

א צווייטע מעשה וואס האט פאסירט אין דעטראיט און וועגען וועלכער א סך אידען האבען אין צייט נערעדט, וועט מארגען דערצעהלט ווערען פון אונזער מיטארבייטער הרואה ואינו נראה אין דעם „דעטראיטער שפיגעל“.

א זעהר הומאריסטישער פעליעטאן „סאוועטען“ פון דעם באקאנטען יונגען פאעט א. אלמי און פיעלע אנדערע אינטערעסאנטע לעזע שטאף.

דער פורים נומער „וועג“.

נעקסטען דאנערשטאג פריה וועט ערשיינען א פארגרעסערטער נומער „וועג“ מיט א ספעציעלער הומאריסטישער אפטיילונג לכבוד פורים.

אינ'ם פורים נומער וועלען זיך באטייליגען אלע אונזערע מיטארבייטער און אויך דער הומאריסטישער אפטיילונג זענען פון איצטער אן טעטיג ר' ברוך'ל, א סניטמאוועד און ישראל'ע. מסתמא וועט זיי קומען צו הילף אויך משה נאדיר, עליאש און אנדערע.

אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד וואקסט.

לאנדאן, פעב. 28. — די אנטיסעמיטען פון דייטשלאנד בושעווען יעצט אונגעשטערט. אין פיעלע דייטשע שטעדט זיינען יעצט פארשפרייט געווארען פאמפלעטס, וועלכע סטראשען די אידען מיט'ן טויט אויב זיי וועלען ניט פארלאזען דייטשלאנד פאר דעם ערשטען מערץ.

מען רעדט אויך דאס די אנטיסעמיטען ארגאניזירען אויך מאסען שחיטות אויף אידען.

אין בערלין איז אבגעהאלטען געווארען א מאסענפערזאמלונג ארגאניזירט פון דעם „פאטערלאנד פארבאנד“. דער מיטינג האט זיך געענדיגט מיט א גרויסען געשלעג. פיעלע אידען וועלכע זיינען ... ווען אנוועזענד זיינען ברוטאל געשלאגען געווארען. די דייטשע סאלדאטען וועלכע האבען זיך צוריקגעקערט פון די באלטישע פראווינצען זיינען פאראנטווארטליך פאר די הריגה אויף די אידען ביים מיטינג.

אין דעם בערלינער שטאדט ראט האבען די אנטיסעמיטישע ראטמענער (אלדערמען) אריינגעבראכט אן אינטערפעלאציע פרעגענדיג וואס פאר א שריטע די רעגירונג נעהט אנגעהמען אז בערלין זאל פטור ווערען פון דעם שטראם מזרח אייראפעאישע אידען וועלכע געפינען זיך אין דער דייטשער הויפטשטאדט.

די דייטשע אנטיסעמיטען זענען ארויסגעטראטען מיט א פראטעסט קעגען דעם פארגעשלאגענעם געזעץ ניט צו דערמאהנען די רעליגיאן אויף געבורט, היירטאס אדער טויטען שיינען.

דער פינאנץ מיניסטער פון בייערן האט געהאלטען א רעדע אין וועלכע ער האט זיך ערקלעהרט צו גונסטען אויסצווייזען אלע מזרח אייראפעאישע אידען פון דייטשלאנד דיזע רעדע פון פינאנץ מיניסטער האט ארויסגערופען שטארקע פראטעסטען.

קומט אפנעהמען בריעף אין „וועג“.

קומט אפנעהמען בריעף אין 'וועג'.

אין אפיס פון 'וועג' געפינען זיך בריף פאר דעטראיטער אידען צוגעשיקט פון זייערע קרובים פון יענער זייט ים.

מיר דרוקען היינט א ליסט פון בריעף צו פאלגענדע פערזאנען:

צו איזאק וו. מילער, 369 האלברוק, פון זיין שוועסטער העלען אפעל, פון ווין.

צו נאטאן ווינער, 99 אילינאיז, פון זיינע עלטערען פון זאמאסץ, פוילען.

צו מרס. איידע לואיס, 206 איסט קוירבי עוו. פון ב. יאפע פון קאווגער נ־בערגיע

צו ס. אפעלמאן, 241 איסט קוירבי עוו. פון חיים אפערמאן פון ווינען.

צו ב. ליטדאר, 497 אנטאווין סט.

זאלען די נעזוכטע פערזאנען קומען אין אפיס פון „וועג“ אפנעהמען זייערע בריוו.

פרטים וועגען קיעווער פאגראם

די קיעווער אידישע צייטונג „די וועלט“ ברענגט א ניט פאלענדיגטע רשימה פון די קרבנות פון קיעווער פאגראם (דעניקינס).

אין דער רשימה זיינען אויסגערעכענט 121 נעמען פון דערשאסענע, צושניטענע און פארפייניגטע. צווישען די דער'הרג'עטע געפינט זיך דוד שלייפער אן אנגעזעהענער ציוניסט, מיטגליעד פון פרעזידיום פון דער קיעווער קהלה, אן 28 יעאריגע מעוברת'ער פרוי, רייזעל טארנאפאלסקי אין 8טען חודש איז מיט שמעדען צושניטען געווארען אויף שטיקער.

זעהר א גרויסע צאהל דער'הרגעטע זיינען עלטערע אידען זקנים.

דער פאגראם האט אנגעהאלטען פון 14 ביז 20טען אקטאבער.

דינסטאג דעם 14טען אקטאבער איז אין מיטען נאס געפאלען דער ערשטער אידישער קרבן הארא'ל שלום. איינצעלנע אנפאלען פון הריגות זיינען געווען אויף דעם 15טען און 16טען אקטאבער. דיא הויפט קרבנות זיינען געפאלען דעם 17, און אויך שבת דעם 18טען זיינען פארגעקומען מארד צופאלען:

אין נומער פון 24טען אקטאבער לעזען מיר:

די פארגעקומענע עקסצעססן האבען זיך אויך אויסגעדריקט אין פארגוואלדיגונגען. ווי מען ניט איבער, זיינען שוין פעסט געשטעלט געווארען פאלען פון שענדונגען אין צעהנדליגער אידישע הייזער. צווישען די געשענדעטע זיינען פאראן נאך גאר יונגע מיידלאך.

אין נומער פון 27טען אקטאבער שטעהט געשריבען:

ביז דעם 22טען אקטאבער זיינען באערדיגט געווארען 63 מאן, 37 ליגען טויטע אין די פריוואטע פאר די היימלאזע. א מאן 18 פאסטאהער היימלאזע ליגען אין אידישען שפיטאל און א מאן 100 ליגען אין אוהל אויפ'ן בית עלמין.

עס ווערען אנגענומען אלע מיטלען אויף צו ברענגען זיי אמשנעלסטע „לקבר ישראל“.

אין אן אנדער ארט רעדט זיך וועגען די רויבערייען: ביי די אנפאלען האט די אידישע באפעלקערונג געהאט מאטעריעלען שאדען אויף הונדערטער מיליאנען, נאר איבערגעלעבט האט זי אזעלכע שרעק וואס האבען איבערגעלאזט אויף לאנגע צייטען גרויסע שפורען“.

21.77 דאלאר פון טויזענד וועט זיין די ... טעקסעס אין דעטראיט ... קומענדען יאהר.

... אליר העגרי סטעפפענס האט ... טען אין א סטייטמענט ערקלעהרט, אז די טעקסעס וואס יעדער דעטראיטער איינוואוינער וועט דארפען צאהלען קומענדען יאהר וועט באטרעפען 21.77 דאלאר פון יעדע טויזענד, ריעל עסטייט אדער פערזענליכעס אייגענטהום. דעם ציפער 21.77 האט ער אריינגעקראגען נאכדעם ווי ער האט אויסגערעכענט וויפיעל די שטאדט פארמאגט און וויפיעל די שטאדט אדמיניסטראציע דארף אויסגעבען. דער פארמעגען פון דער שטאדט, זאגט מר. סטעפפענס, באטרעפט ניט ווייניגער פון 1,450,000,000 דאלאר און דארפען דארף די שטאדט אויף הוצאות די סומע פון 32,750,000 דאלאר, אלזא מאכענדיג א חילוק קומט אויס, אז יעדער בירגער וואס איז „ווערטה“ טויזענד דאלאר וועט מוזען צאהלען אין דער שטאדט קאסע נעגוויע 22 דאלאר, אויסצוהאלטען דעם פאליס דעפארטמענט, די באארד אוו העלטה, די פייער לייטע, די סקוהלס א. ז. וו.

פאר פיעלע פון די לעזער וועט אינטערעסאנט זיין צו וויסען, אז די טעקסעס פון דעם קומענדען יאהר איז ניט די העכטע אין יאהר 1916 האט מען אין דעטראיט ייעצאהלט 23.64 דאלאר פון טויזענד. דער פאר אבער איז אין יאהר 1918 געווען די טעקסעס א סך נידעריגער — בלויז 13.80 דאלאר פון טויזענד.

Public Library ... Detroit

ווערט נעבאך פארפאלגט פון דער פאליציי

אלבערט קאשקע, אייגענטימער פון וויסקאנסין האטעל, 352 בראש סט., האט פארקלאגט וואלטער קאריי, א פאליסמאן אז ער מישט זיך צופיעל אין זיינע, קאשקע'ס „ביזנעס“. א צווייטען פאליסמאן ראי קאנער, האט ער באשולדיגט, אז יענער פלעגט איהם אפט באזוכען און בעטען אדער מאהנען „כאבאר“.

אז ס'איז אבער ניטא קיין מזל, העלפט דאך ניט! אט זיינען ביידע קלאגעס געגען די „רוה־אפהיטער“ צוריק געוויזען האטעל, צו באזוכען איהם.

זיין קלאגע געגען קאריי'ן האט ריכטער האטען צוריקגעוויזען, פסק'ענדיג, אז, דער פאליסמאן האט א רעכט, ווען ער האט א פארדאכט, דס ס'איז עפעס ניט „גלאטיג“ מיט די „ביזנעס“ פון קאשקעס האטעל.

זיין צווייטע קלאגע צו דר. אינטשעס, פאליס-קאמישאנער, אז קאנער זוך ארויסצוקוועטשען פון איהם „לאפקע-געלט“ האט ביי דעם פאליצייסקען שעף אויך קיין מזל ניט געהאט, אויף דעם סמך, וואס ער האט מעהר צוטרויען צו זיין פאליסמאן ווי צו קאשקע'ן.

קליידער פאר מלחמה קרבנות ווערען מארגען אוועקגעשיקט

די טוער פון דער היגער פיפעלס רעליעף פיהלען זיך היינט העכסט גליקליך, ווייל מארגען, דינסטאג, ווערט פון דאנען אפגעשיקט די שיף און קליידער, וואס זיינען מיט איינינע וואכען צוריק צונויפגעזאמעלט צווישען דער דעטראיטער אידישער באפעלקערונג פאר די מלחמה קרבנות.

פיעל מיה און צייט האבען געקאסט די מענשען, וועמען ס'איז נאהענט צום הארצען דער אידישער חורבן אויף יענער זייט ים, כדי צו סארטירען די שיף און קליידער. זיי האבען זיך אבער פאר קיינעם באקלאגט. אדרבה, זיי איז געווען ליעב דיזע ארבייט, ווייל זיי האבען געוואוסט, דאס זייער טרחה וועט אויף יענער זייט ים באלוינט ווערען מיט אן ערפרעהען דער מינע, פון א אידישער מוטער, ארער פאטער, ווען מ'וועט קענען קריגען שיך און קליידער צו באדעקען זייערע קינדערס נאקעטע קערפערלאך פון שאנדע און פארהיטען זיי פון קעלט. די טוער פון די פאלקס-הילפס ארבייט האבען שטענדיג געוואוסט און ווייסען איצט אויך די גרויסע נויט וואס עס הערשט צווישען דער אידישער באפעלקערונג אין די אייראפעאישע לענדער. יעדע פארמע פון הילף איז זיי טייער.

דארום, ווען מ'שיקט מארגען פון דאנען אפ די קליידער, פיהלען זיך די היגע טוער יום טוב'דיג, ווייל זיי זעהען ווי זייער ארבייט איז געווען ערפאלגרייך.

אבער ביי דער איצטיגער פרעהליכער שטימונג ווילען זיי דערמאהנען דער אידישער דעטראיט, דאס נאר אין קורצען וועט די היגע פיפעלס רעליעף אנפאנגען א קאמפיין צו שאפען וועש פאר די מלחמה קרבנות. זיי האפען, דאס די היגע אידען וועלען טאן מעהר וויפיעל זיי קענען און וועלען אלין געבען און נעהמען א טיכטיגען אנטייל אין דיעזער הייליגער ארבייט צו שאפען וועש פאר די פאראומגליקטע אידען פון יענער זייט ים.

די קליידער און שיך ווערען פון דאנען אפגעשיקט קיין פוילען, ריגע און ליבאוויטש.

צוויי ארעסטאנטען אנטלויפען פון דזשייל אין מיטען העלען טאג

סטענלי סוואזעק, וועלכער הייסט אויך קעיזער און וויליאם מארסטען, 2 ארעסטאנטען און וויליאם מארסטען, 2 ארעסטאנטען האבען שבת אין מיטען העלען טאג געמאכט א סענזאציאנעלען ויברח פון זייער גפענגניס. מיט א האמער האבען זיי דורכגעהאקט א גרויסע לאך אין א וואנט, גרוים גענוג ארויסצוקריכען פון זייער אומזיסטיגע באהדינג הויז, וואו זיי האבען זיך, ווייזט אויס, געפיהלט ניט איבעריג צופריעדען. סופעראינטענדענט בענטע פון דער הויז אוו קארעקשאן האט זיך דערוואוסט פון זייער אנטלויפען 2 שטונדען שפעטער, ווען פון זיינע באיעס איז שוין קיין זוואניע ניט געווען. דער נעכטיגער ויברח איז שוין דער צווייטער, וואס פאסירט אין דער קארעקשאן הויז פאר די לעצטע פיער וואכען.

דער ערשטער אנטלאפענער ארעסטאנט סאוזעק איז איינער פון אן האלד אפ גענג און האט „אפערירט“ אין דעטראיט, העמטרעמעק און וועינדאט און מיט דריי מאנאטען צוריק איז ער פארארטהיילט געווארען צו א שטראף פון צעהן ביז דרייסיג יאהר פאר אטאקירען א ניובאסטאנער פרוי.

דער צווייטער אנטלאפענער ארעסטאנט מארסטען האט געזאלט זיין אויף טעסט אין וואירק הויז פאר א טערמין פון צוויי ביז פינף יאהר פאר א 350 ד... רינג רויבעריי.

יאפאנעזישער פארלאמענט אויפגעלייזט

וואשינגטאן, פעב. 28. — לעצטען דאנערשטאג האט דער יאפאנעזישער מיקאדו פאנאנדערגעטריבען דעם פארלאמענט. שטורמישע סצענעס זענען פארגעקומען אין דער לאבי און ארום פארלאמענט. פאליציי איז ארויסגערופען און די דעמאנסטרירענדע זענען פארטריבען געווארען פון דארטען. דעמאנסטראציעס געגען דער רעגירונג זענען פארגעקומען אין פארלויף פון דער גאנצער נאכט.

דער פארלאמענט איז צוטריבען געווארען, ווייל די מערהייט דעפוטאטען זיינען געווען געגען דער רעגירונגס וואהלגעזעץ, וואס נעהמט צו ביי די ארימע ארבייטער און פויערים דאס רעכט צו שטימען. די מערהייט האט געפאדערט אז אלע מענער און פרויען זאלען קריגען גלייכע וואהל־רעכט, ניט נאר די, וואס זענען ביכולת צו צאהלען א טעקס פון דריי יען. די רעגירונג איז געווען פאר אזא טעקס, כדי צו קענען שטימען.

CLASSIFIED

לואיס וועסטעראה ווערט געזוכט פון מרס. ענ' רובין פון מאנטרעאל. ווער עס קען איהם אדער ווייסט זיין אדרעס איז געבעטען צו מעלדען 393 היסטינגס סט.

די בעסטע פרייזען
פאר דיימאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

גראסערי צו פארקויפען אין בעסטען אידישען געגענד. מאכט מעהר פון $800.00 א וואך ביזנעס. רופט נארטוועי 4749־אר.

צו פאררענטען 5 רומס 700 היסטינגס סט. ביליג רענט צו דעם וואס וועט איבערנעמען די פארניטשור, פרעגען מר. סאפרין.

צו פארקויפען א גראסערי און קענדי סטאר, אין א גוטען אידישען לאקיישאן. גאראנטירט $125.00 ריינעם פראפיט. פרעגען באקס 100

LEVIN'S BAKERY
[illegible] איקלאנד ע ו.
די שענסטע, בעסטע, סאניטארישסטע בעקערי אין דעטראיט.
איהר קענט איינגלאדען צו אינספעקטען אונזער בעקערי.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 היסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער הענגינג
דעקארייטאר און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק, מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

קעש רעדזשיסטערס — נעשאנאלס, אלערליי סטיילס. גע־קויפט און פארקויפט.
DETROIT USED CASH REGISTER CO
66 Broadway. Cadillac 51?2

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
490 היסטינגס סטריט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענטער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלם

דזשולערי סייל

אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע

זייגערס

מענער און פרויען גאלדענע איערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.

רינגען

גאלדענע בראוטשעס מיט אמתע זעגיאנס. ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע

קדושין רינגלאך

גרויסע מציאות אין דיאמאנטען

The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויטער.

אויסקינפטע פריי

זעהר גערן געגעבען איבער פאלגענדע ענינים: פאספארטען, ווי צו שיקען געלד אין אייראפא, ווי אזוי אריבערצוברענגען אייערע פאמיליעס, וועגען די רעכט פון לענדלארד און טענענטס, וועגען לאנד קאנטראקטען, מארטגעדזשעס, טעקסעס און זא ווייטער.

ווי צו ווערען א בירגער

וואו און ווי אזוי צו לערנען ענגליש, צאהלען פענסיע, ליבערטי באנדס, באנוסעס, אינשורענס און נטורליזיישא.

The Free Information Bureau
Detroit Board Of Commerce
קארנער וועין און לאפאיעט (2טער פלאר); שטונדען: 8:30 ביז 5:30

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אויגען וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען ערהליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך בעפרייען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 היסטינגס סט. קעגנאיבער נהריך'ס דזשולערי סטאר.

צו אלע דעטראיטער פעדלערס:
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט גענומען דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באעלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

קויפט וואו אלע קויפען
גודס, פענסי דריי גודס, קוירטענס, קווילטס, בלענקעטס, בעסטע ברענד אונדערוועהר
ספעשעל רעדאקשאן פאר פעברואר!
מאכט קיין מיסטייק!
Philadelph a Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor Livingstone

פארלאנגט אגענטען סוב־סקרייבער פאר'ן „וועג". ליבעראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג".

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, ניי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגר סטריט

ה. יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 היסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דרעסעס, פורנישינגס, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעסיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 3595 דאבעליו
באזארגט זיך גלייך מיט איש און נארבענדיגע, סעמענט רעספעקטיבלס, ווייל פון 1טען מארטש ווערט די פרייז נעהע בערט
ווארט ניט ביז די באארד אוו העלט וועט אייך באהערען.

JUDGE GAINEY

HAVANA
CIGARS
NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST ?170

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע

רמאן — פון מרדכי ספעקטאר

— איך פארשטעה איינענטליך ניט, פלעגט זי זאגען, וואס האבען די באלע־באטעס אלע מאל צו בייטען די דיענס־טען, בייטען זי דאס אויס בעסער? ביי מיר אין די אויגען דאכט זיך זענען אלע דיענסטען גלייך. אלע איין שווארץ יאהר, אלע פון איין בויגען פאפיר געשווירען, אבי זי זאל מיר נאר באצאהלען מיין מעק־יערי און אלעס וואס זי לייהעט און בארגט אן ביי מיר. ברייגע די באלעבאסט האט ערשט נעבטען איבערגעבייטען דיא דיענסט רעהפאר, ווייל ווען זי שיקט זי עפעס קויפען פון זי זיך אראבגענומען 2 גראשען, און האט צוגענומען א נייע איין עהרליכע וואס וועט מסתמא אויך אראב־נעהמען, נאר ברייגע זאל ניט וויסען. די באלעבאסטע זאגט אב ווייל די דיענסט איז איהר צו שעהן, די וויל איהר דיענסט איז איהר צו מיאוס, נארישקייטען און איהר ניט! וואס האט מען צו בייטען דיענסטען?

ניט אנדעריש — האט די „פליישיגע" זיך געטראכט — דאס וואס די באלע־באסטעס בייטען דיענסטען איז א גאנץ זאך, ה. ה. גאט ווייסט אז די „פליישיגע" איז אויך א אידענע וואס דארף האבען פרנסה, דארום שיקט גאט יעדער באלע־באסטע אין די געדאנקען אז זי זאל איי־בערבייטען די דיענסט, מען זאל שיקען נאך דער פליישיגער כדי זי זאל נעהמען צוויי מאל מעקלעריי פון ביידע צדדים.

פאר וואס מען האט די מעקלעריי גע־געבען, „פליישיגע" האט קיינער ניט גע־וואוסט, נאר אלטע באלעבאסטעס פלעגען דערצעהלען אז דאריבער, ווייל אין דער יונגער האט זי שטענדיג פארמאגט צוויי אלענדיגע קיה און פלעגט פארקויפען מילכיגס אין די גרעסטע הייזער.

מעהר זיך באקאגען מיט דער פליישיגע איז אונז ניט נייטהיג. עס איז גענוג דיא עטליכע ווערטער וועגען איהר, די לעזער זאלען וויסען אז אונזער אומגליקליכע לאה וואס האט יך אבגעמוטשעט היא שרעקליכע נאכט געפינט זיך איצט ביי „דער פליישיגע" אין דעם פאדוואל מיט די נידעריגע פענסטער.

נאכדעם וואס לאה האט פיעל גע־טראכט וואו זי זאל געהן און וואס זי זאל טהאן אהן געלד, איז איהר ענדליך איינ־געפאלען א גליקליכער געדאנקען. זי זאל פרעגען וואו עס וואוהנט א אידישע מעק־לערין פון דיענסטען און מען האט איהר באלד איינגעוויזען צו „דער פליישיגע".

די פליישיגע פלעגט כמעט קיינעם ניט אבזאגען א שטעלע. זי פלעגט נאר זאגען אז מען דארף אביסעל צוּוואַרטען וועט א באלעבאסטע געוויס אבזאגען די אלטע דיענסט, וועט זי דארפען א נייע.

— איך קען אבער ניט ווארטען! האט לאה געזאגט דעם אמת.

— אז איהר האט קיין צייט ניט צו ווארטען, וואס זשע זענט איהר געקומען צו מיר זוכען א שטעלע?

— ניט איך האב קיין צייט ניט, צו ווארטען, נאר איך בין ניט אין שטאנד צו ווארטען. איך האב ניט א גראשען געלד. איך האב ניט אויף הוצאותביזצודערצייט וואס עס וועט זיך מאכען א שטעלע.

— נא דאס איז קיין אומגליק ניט. איהר זענט ניט די ערשטע און ניט איינע בין מיר. איהר קענט דערווייל זיין ביי מיר מיט עסען, מיט טרינקען, מיט אלעס און דערנאך, ווען גאט וועט באשעלין די שטעלע וועט איהר ביי דער באלעבאסטע נעמען אויף פריהער עטליכע רובל און וועט מיר באצאהלען.

לאה האט זיך נאטירליך געשעצט פאר גליקליך וואס גאט האט איהר באשערט די פליישיגע אידענע און איז דארט גע־בליבען ווארטען ביז צו דער גוטער צייט.

ווי לאה האט זיך דערפעגט ביי דיא איבריגע דיענסטען וואס האבען דא אויך געווארט אויף שטעלען אז פון תמיד אן אזוי געווען איינגעפיהרט בי דער פליישי־גע: אז די וואס זענען געקומען בעטען ביי איהר שטעלען האבען געמוזט קוארטירען און עסען ביי איהר, דערפון האט זי גע־האט כמעט א האלבע פרנסה; די וואס האבען געהאט געלד האבען איהר געצאלט און די וואס האבען ניט געהאט, האבען גענומען אויף בארג. — דערפאר אבער די וואס האבען זיך שוין געפונען ביי דער פליישיגע אין שטוב זענען שוין געווען פארזיכערט אז היינט מארגען וועלען זיי באקומען א שטעלע. מען דארף נאר צו־ווארטען.

לאה'ן האט זי אריינגענומען אין שטוב מיט פארגעניגען דערפאר ווייל זי האט געזעהן אז לאה וועט באקומען גיך א שטע־לע און זי וועט באקומען גיך מעקלעריי, ווארום פון איהר פראקטיקע האט זי גע־וואוסט אז יונגע ובפרט נאך שעהנע מייד

לאך נעהמט מען גיכער צ אויף א שטעלע די פליישיגע האט זיך געוואונדערט ווי קומט עס אזא שעהנע מיידעל ווי לאה איז זאל זיין א דיענסט, עס פאסט איהר נאר צו זיין א באלעבאטישע קינד.

עס האט טאקע לאנג ניט געדויערט און לאה האט באקומען א שטעלע, עס האט לאנג ניט געדויערט איזוינעקומעןצו זיך צו די פליישיגע.

— פאר וואס ביזטו געקומען צוריק? האט די פליישיגע געפרעגט.

— איך קען דארט ניט זיין, האט לאה געענטפערט און איז רויט געווארען.

— מען האט דיך אבגעזאגט?

— יא, מען האט מיר אבגעזאגט. האט לאה געענטפערט.

נאר זיך פארוואונדערט די מעקלערין אין געווארען אז ווען זי איז געקומען צו יאהם באלעבאסטע, האט זי איהר באגע־גענט מיט דיעזע ווערטער:

אט דאס מיידעל וואס איהר האט צו מיר אריינגעגעבען פארשטעה איך גאר ניט. עס איז איהר דאכט זיך דא גוט געווען, מיר זענען דא אלע אין שטוב זעהר צופריעדען געווען פון איהר. מיין מאן און אלע קינדער קענען זיך גאר ניט אפלייבען פון איהר. זי טהוט אלעס גיך און ריין אז עס איז א פארגעניגען צו קו־קען. זי וואלט געקענט זיין ביי מיר שטענדיג מיט אלעם בעסטען, נאר פלוצים היינט קומט זי אריין און זאגט זיך אב. פאר וואס, פאר ווען, ווייסט קיינער ניט. „זי וויל ניט דיענען בי מיר" זאגט זי, נור פארשטעהט זיך איך קען יענעם ניט נויטען. איך האב איהר געמוזט באצאהלען און זי איז איעהגעגאנגען. זי טהוט מיר אזוי באנג וואס איך קען אייך גאר ניט זאגען, איהר ווייסט דאך ווי שווער עס איז איידער נאט באשערט א ליטישע דיענסט. איהר זאלט מיר האטש איצטער קריגען, א נייע, נאר עפעס א ליטישע יאם זאל זיך מעהר הארטען, ווארים לאין בין איך עפעס חושד אז עס שלעפט איהר

פערלאנגט פעהיגע קענוועסער פאר'ן „וועג"

יונגע לייט וואס ווילען מאכען געלט פאר איינינע שטונדען ארבייט צו קענוועסען פאר סובסקרייבער פאר'ן „וועג" גוטע קאמישאן ווערט געאפערט. איהר קענט דאס טהאן ווען איהר האט פרייע צייט. זיך מעלדען יעדען טאג און אווענדס אין אפיס פון „וועג" 347 הייסטינגס סט.

אקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
נעמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

די נאטור איז דער בעסטער דאקטאר.

ווען איהר ליידעט פון רומאטיזם, הארץ, קידנעס אדער סטאמאק אפילו קראנקהייטען וועלכע זיינען סיפיליטיש, ווענדעט זיך צו מיר. מיינע מעדיצינען וועלכע זיינען געמאכט פון געוויקסען, זיינען דער ווירקזאמסטער מיטעל צו די אלע קראנקהייטען. —די ווירקזאמסטע מיטלען פיר פרויען קראנקהייטען.
ס. גרין. 769 בוביען סט.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נט מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דוראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO.
געמאכט אין דעטראיט.

לעזט דעם „וועג"

דער באוואוסטער חזן
ל. ד. ריינלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עפרידענהייט.
5ס"ו קעמערא עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קדושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטארס, שעלוס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ערענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעליעבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

יוזט פאלם-אלא
פאר'ן מאגען א רפואה פאר'ן פאקעט א ישועה

פאלם־אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאקאנאטס און פינאטס אייל, און אנדערע נאטור רייכע ווערדשעטייבעלס און קען געניצט ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די ווייסענשאפטליכע מעטהאדען אין סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט־פרוף סאניטארע באקסעס.

פאלם־אלא איז אויסגעצייכענט גוט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. גיט אייערע קינדער פיעל פאלם־אלא. עס וועט זיי פיעל גוט טהאן און עס איז פיעל ביליגער ווי די אלד פעשאנד פוטער.

פאלם־אלא איז מיט זיין נאטירליכע רייכקייט און געשמאקייט ממש טעם גן עדן, און ווער עס טרייעט דאס צו יוזען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.

פאלם־אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דער מראיט ביי דער באוואוסטער „שעד קרימערי". אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען טופלאי יעדען טאג.

געמאכט פריש יעדען טאג
אין דעטראיט
גלייך פון דער פוטער פאס
צו אייך

פאלם־אלא איז כשר בהכשר
ובהשגחה פון הרב הגאון
ר' יוסף תאומים דפה

גראסערי לייט
עס איז פאר אייער בענעפיט איהר פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט נען, איהר דערלאנגט א פעקעדזש צום זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט ניט קיין טראבעל. אהר דארפט ניט ווע־קאסטימער און דאס אלעס.

לעזט דעם הכשר:

הנני להעיד כי החמאה הנקראת Palm-Ola של The Shedd Creamery כשר לאכול בלי שום חשש ונקבע [illegible] כי נעשית מצמחי האדמה ואין בה שום תערובת איסור ועומדת תחת השגחתי [illegible]
יוסף תאומים מן הגאון [illegible] ר"מ בדעטראיט

הרב יוסף תאומים — Rabbi of the Congregation Beth Abraham — בדעטראיט מיש.

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם־אלא
S. J. Bartush Co **West 1407**

אינטעליגענטן

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

דער ליכטער הרהור איז געזעסען אין קאפע און קוקענדיג אריבער דעם דאזיגען שטיקעל נייעס, איז איהם איינגעפאלען אז די בוכשטאבען ד. פ. לעזען זיך דוד פרענקעל. א שוידער איז איהם אריבער איבער'ן גאנצען קערפער.

— פרענקעל זאל האבען באגאנגען זעלבסטמארד? — האט ער זיך אליין מיט ערשטוינונג געפרעגט. — און ווייטער — האט ער ווייטער געטראכט — עס איז גאנץ מעגליך! — און ער האט זיך דערמאהנט ווי ער האט איהם דאס לעצטען מאל באגעגענט ארויסגעהן פון א זייטיגער טיר פון א ביער סאלון און ווי שרעקליך געעלטערט פרענקעל האט דאן אויסגעזעהן און ווי יענער האט זיך ניט געוואלט מעהר אנטרעפען מיט איהם.

און איהר איז איינגעפאלען אריבער צוגעהן אין מארג אריין און בעטראכטען דעם דערטרונקענעם.

מיט א געבויגענעם קאפ, פארזונקען אין טרויעריגע געדאנקען איז דער ליכטער הרהור געשטאנען אין מארג און האט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס.

פאר זיינע אויגען איז יעצט געלעגען שוין אין א ווייס לײלעך, פערטיג צום מקבר זיין דער אונגליקליכער בעקאנטער זיינער דוד פרענקעל.

קאפיטעל י"ז

שלעכטע צייטען

עס איז געוועזען אין דער צייט וואָס אין אמעריקא האט אויסגעבראכען דער גרויסער קריזיס, וועלכער האט פאראורזאכט דעם געלד פאניק אין דער שטאדט ניו יארק.

מענשען האבען זיך געלעגט שלאפען רוהיגע, פארמעגליכע און מיט איין מאל אויף מארגען ווען זיי זיינען אויפגעשטאנען, האבען זיי ערפאהרען אז זיי זיינען איבערנאכט רואינירט געווארען.

אונבאשרייבליכע סצענען זיינען פארגעקומען אין די ניויארקער גאסען, ארום די באנק געשעפטען. מענער און פרויען ווי געטריבען פון דער גרעסטער פארצווייפלונג האבען זיך געיאגט אין די טויזענדער און האבען געזוכט זיך דורכצוברעכען א וועג אין די באנק געשעפטען, וואו זייער געלד איז געלעגען. צווישען די אלע זיינען געוועזען אזעלכע וואס האבען יאהרען לאנג געארבייט אין פאבריק. האבען געשפארט'ן אין דהקות, זיך געקארגט דעם ביסען צום מויל, האבען געוואוינט אין דריי ענגע פינסטערע חדרים אין א טענעמענט הויז און האבען אלץ געשפארט א סענט צו א סענט, מיט דער האפנונג אנצוקלייבען א קליינעם קאפיטאל און עפענען א געוועלב, אום כאטש אויף דער עלטער פטור ווערען פון דער פינסטערער פאבריק.

עס זיינען געוועזען אזעלכע וואס האבען אבגעשפארט א קאפיטאל און האבען עס געהאלטען אין באנק, מורא האבענדיג, אז עס זאל ביי זיי ניט צוקראכען ווערען. עס זיינען געוועזען אלמנות וואס האבען געשפארט עטליכע דאלאר אום צו ברענגען זייערע יתומים צו א תכלית און מיט איין מאל זיינען די אלע טויזענדער און טויזענדער מענשען צעבראכען געווארען.

פאר די טהירען פון די בענק הייזער זיינען אנגעשטעלט געווארען פאליציי, און זיי האבען געזוכט די פארצווייפעלטע בארויבטע צו בארוהיגען, און איינצוהאלטען. זי זאלען ניט אלע מיט אמאל אנפאלען אויף די בענק.

מענשען האבען אין די גאסען געיאמערט מיט ביטערע קולות, שוואכע פרויען זענען אין די גאסען געפאלען אין חלשות. דאס דאזיגע פאניק יאהר האט פאראורזאכט א היבש ביסעל טראגעדיעס אין גאנץ אמעריקא נור שטארקער ווי אלעס, האבען דאס געפיהלט די איינוואוינער פון דער שטאדט ניו יארק.

נאך דעם פאניק איז ענטשטאנען א צייט פון ארבייטסלאזיגקייט.

די פאבריקען [illegible] אבגעשטעלט אין טויזענדער מענשען, גוטע פעהיגע ארבייטער זענען געבליבען [illegible]

בלאך, וועלכער איז געוועזען א פארמעגליכער מענש, האט א הויז די צוויי טויזענד דאלאר, וועלכע ער האט געהאלטען אין דער פעדעראל באנק אויך פערלארען [illegible] שטעלע אין עס האבען זיך אנגעהויבען פאר איהם די שלעכטע צייטען.

אין דעם געגענד וואו ער האט געוואוינט האט אויסגעבראכען א טיפוס-קראנקהייט און דריי קלענערע קינדער זענען מיט אמאל געבליבען ליעגען קראנק ביי בלאך'ן אין הויז.

דער דאקטאר איז פון שטוב ניט ארויס. די הויז איז פארוואנדעלט געווארען אין א שפיטאל. אויף אלע טישען זענען געווען אנגעשטעלט פארשיעדענע פלעשלאך מיט מעדיצינען און הילצערנע קעסטעלעך מיט פארשיעדענע זאכען.

מרס. בלאך האט ניט געמהעט, האט זיך ניט אויסגעטאן דורך די נעכט. איז אומגעגאנגען פון איין בעטעל צום צוויי-

טען, האט געטאפט די קעפעלעך ביי די קינדער. איינעם האט זי געדארפט איבערבעטען און צו עסען מאכען דאס געטרענק, אן אנדערען האט זי געגעבען די מעדיצין.

— א מענש ווייס גאר ניט [illegible] — ער דארף זיין ווען ער איז געזונד — האט זי גערעדט צו זיך אליין — יעצט האט דאס מיר ריכטיג צוגעשפיעלט. פונקט פאר מיינע כחות צו געהן ארום

דריי קראנקע קינדער. און דאך האט זי געשטרעקט דאס לעבען איהרע קינדער צו ראטעווען.

בלאך, אן ארבייטסלאזער, איז אומגעגאנגען דערשלאגען ווי אהן א קאפ. ער האט געבארגט און געליהען וואו ער האט נור געקענט, נור די גרויסע הוצאה אין הויז, און דערצו די קראנקע קינדער, האבען געבראכט, דאס ער האט פון זיך אראב געצויגען דעם זייגער און וואס מען האט נור געקענט פון הויז, עס פארזעצט, פארמשכן'ט געווארען. אינגאנצען איז ער דערשלאגען געווארען, ווען נאך א לאנגער קראנקהייט, האט זיך ביי די צוויי קלענערע קינדער אריינגעכאפט ניומאניע און אין פארלויף פון 24 שטונדען זענען ביידע געשטארבען.

די קולות און דאס געוויין פון דער גאנצער פאמיליע האבען זיך געטראגען ביז צום הימעל. מרים וועלכע איז געווען אויסגעמאטערט, פון חדשים לאנג ניט שלאפען, ניט עסען, האט זיך געשלאגען מיט די קולאקעס אין קאפ אריין, האט זיך געריסען ביי די האאר אזוי אז שטיינער האבען געקענט גערירט ווערען. דער דאקטאר, וועלכער האט געזעהן, ווי אויסגעמאטערט די מענשען זענען און ווי נידערשלאגען האט אויף מארגען נאכדעם, ווי די קינדער זענען באגראבען געווארען, פארארדערט אז דאס געבליבענע קראנקע קינד זאל אוועקגענומען ווערען אין האספיטאל. מרים האט זיך מיט דעם דאקטאר געראנגעלט און האט ניט אנדערש געוואלט, נור אז איהר קינד זאל ליעגען אין דער היים און אז זי אליין זאל אויפפאסען דערויף.

— איך וועל ניט איבערגעבען מיין קראנק קינד אויף פרעמדע הענד! — האט זי ביטער געיאמערט — צוויי ליכטיגע קינדער, ווי בריליאנטען האב איך שוין באגראבען, אפשר וועל איך כאטש דאס דריטע קענען ראטעווען.

— אידענע. איהר אליין זענט אויך קראנק. זייט רוהיג. אין האספיטאל וועט מען אייער קינד ראטעווען, נאך בעסער ווי איהר קענט דאס טהאן — האט דער דאקטאר זי געזוכט צו בארוהיגען.

און אזוי גיך, ווי דאס קינד איז אבגעפיהרט געווארען אין האספיטאל, איז מרים אוועקגעפאלען צו בעט.

ניט אנדערש. נור גאט'ס צארן האט זיך אויסגעגאסען אויף מיין קאפ! — האט בלאך א טראכט געטאן, אין דעם טאג, וואס אויך מרים'ס קראנקהייט איז געווארען געפעהרליך.

— א מענש ווייס ניט, וואס פאר אנשיקענישען איהם ערווארטען אין דער צוקונפט — האט ער געטראכט — אמאל איז געווען געלד, עס איז געווען מיט וואס צו ראטעווען, זענען הקא אלע געווען געזונד, און היינט ווען מען איז אזוי פארארימט, פארשולדיגט האט די קראנקהייט איינגאנצען אראבגעהאקט דעם קאפ.

און ווי איינער, וועלכער איז געשטאנען אויף א הויכען טהורעם און איז מיט אמאל אראבגעווארפען געווארען אין א טיעפען טהאל, אזוי דערשלאגען און פארצווייפעלט, האט ער זיך יעטאמאל דערפיהלט.

ער האט אנגעהויבען נאכדענקען וועגען אלע זיינע יאהרען פון נאך דער חתונה, ווי שעהן מרים איז אמאל געווען און ווי אויסגעמאטערט זי איז געווארען, פון איהר שטענדיגען פלאגען זיך מיט אזוי פיעל קינדער און מרים איז איהם ניט אמאל געווארען אזוי ליעב.

— זי איז דאך אן אמת געטריע פרוי און א הארציגע מוטער! — האט ער געקלערט. ער איז ניטאמאל געווארען אזוי גוט צו איהר, בעת זי איז געלעגען א קראנקע אין בעט. ער האט פון איהר בעט ניט אפגעטראטען, גאנצע נעכט האט ער געוואכט לעבען איהר, בעת זי איז געשלאפען און ווען זי איז אויפגעשטאנען פון שלאף, האט ער איהר דערלאנגט מילך און האט ארומגעטאנצט ארום איהר מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט.

האט איר ריעל עסטייט צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפען
פאר דער העכסטער פרייז דורך
די „צו פארקויפען" אדס פון „טאג"

Phone Main 3715



אונזערע ספעשעל מאשינען סיווען ארבייט — אונזערע איבערגעבילטע מאשינען סייווען געלד.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פראפיט

מיר פארקויפען די בעסטע אין דער ליין, פון נעה מאשינען פיר יעדער סטיטשינג אפערייטשאן, א חוץ די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעניוזטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייווען פיעל געלד דערביי ! !

A. C. Payer

119 E. Jefferson — טעלעפאן טשערי 1813

Cadillac Theatre

סמארט בורלעסק
מאטינעע טעגליך ליידיס 10ס.
סעם ליווי, מענעדזשער
היינט און א גאנצע וואך
מאנטע קארלא מיידלאך

איר קענט שיקען געלט אין פוילען

דורך דער

Bank of Detroit

א. זינגלער מענעדזשער

הייסטינגס סט. ברענטש.

איבער אלעס

נעמאכט פון ריינעם האוואנא

יעדער מאן רויכערט דאס

Panama Cigar Mf'rs, Makers

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. [illegible] LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דעטראיט און ווארשוי

דאס אידישע אמעריקא! — מיט קנאה קוקען איצטער די אידישע ישובים אין דער אלטער היים אויף דעם אידישען אמעריקא; אונזערע קרובים און חברים, וועלכע צאפלען זיך צווישען די נעגעל פון די פוילישע פאנעס, רוצח'ישע אוקראינער און זייערע גלייכען — מיט וויפיעל קנאה דערמאהנען זיי אונז, די גליקליכע, די געבענשטע, וועמען דאס מזל האט מיט יאהרען צוריק פארווארפען אהער אין דער גאלדען־פרייער מדינה, אין אמעריקא.

און עס הויבט זיך פיעלע פון אונז, אז ווען עס וועט זיך ארויסרייסען אמאל אהער אונזער קרוב אדער חבר, און ער וועט זעהן אונזערע אנשטאלטען, אונזערע אינסטיטוציעס; אונזערע קהל'שע געביידעס און אונזערע מוסדות צדקה — ווי איבערראשט וועט ער ווערען.

און עס מיינען פיעלע פון אונז אז ווען עס וועט זיך אהער סוף כל סוף איבערכאפען אונזער ברודער אדער פריינד פון ווארשוי, פלאצק, ווילנא, אדער ביאליסטאק און ער וועט זעהן אונזער פרייהייט, ער וועט זעהן ווי מיר לעבען זיך ברחבות אין דעם פרייען און טאלעראנטען אמעריקא — ווי אנגענעהם און גוט וועט ער זיך דערפיהלען.

און עס מאהלען זיך פיעלע פון אונז א בילד, אז ווען עס וועט ענדליך, ענדליך א איד פון פראסקוראוו, מעזיבוש אדער אומאן זיך ראטעווען דא אין דעם גאלדענעם לאנד, און ווען מיר וועלען איהם דא ווייזען אונזער אידיש לעבען, אונזער פרייע אידישע טעטיגקייט אויף אלע וועגען, אנהייבענדיג פון דער שוהל, בית מדרש און ענדיגענדיג מיט דער ראדיקאלער שולע — ווי גליקליך וועט זיך דער אוקראינער איד דא דערפיהלען!

אזוי מיינען פיעלע פון אונז, אזוי דענקען מיר.

עס איז א טעות.

עס וועט נ־י־ש־ט זיין אזוי.

אונזער קרוב און חבר פון דער בלוטיגער אוקראינע, אונזער פריינד פון דעם שלאנגישען פוילען און אונזער נאהענטער פון דעם פארגרעבטען רומעניען אדער אונגארן וועלען זיך דא נישט אזוי משמח זיין ווי מיר שטעלען זיך פאר.

דער איד, דער אמת'ער פרומער איד פון פוילען און אוקראינע וועט נישט געפינען קיין נחת רוח אין דעם שפע'דיגען אמעריקא איצטער, פונקט ווי ער האט עס נישט געפינען מיט א צעהנדליג אדער צוויי צעהנדליג יאהר צוריק, ווייל מיר האבען באלעבאטיש באגילדעט דאס אידישקייט אין אמעריקא, אבער קיין הארץ, קיין נשמה האבען מיר אין דעם נישט אריינגעטראגען.

וואס טוט זיך איצט אין פוילען מיט דער זונטאג גזרה? — א חשבת! א קלייניגקייט. מען צווינגט דאס אידענטום אין פוילען צו האלטען געשלאסען די געשעפטען אום זונטאג! האלט מען אין איין פראטעסטירען; מען האט איבערגעהערט [illegible] אין גאנץ אייראפא; די אידישע און די אומפריינדליכע דעפוטירטע אין פוילישען סיים ארבייטען מעשים מבטל צו זיין דיזע גזרה. און עס איז נישט אויסגעשלאסען, אז עס זאל זיי מאקע געלינגען אויך.

און ווי איז עס דא ביי אונז?

טויזענד מאל ערגער, געמיינער, מיאוס'ער און אפשטויסענדער.

מיר ריידען שוין נישט פון דער רעליגיעזען שטאנדפונקט, נאר פון אידיש־נאציאנאלען שטאנדפונקט.

וויפיעל אידישע קראמען וועט איהר געפינען אויף דער אידישער גאס, וואס [illegible]

טראכט זיך אריין אין דעם און איהר וועט דערזעהן דעם גרויסען אונטערשייד צווישען ווארשוי און דעטראיט.

צום שרייבער פון דיזע צייל[ען] האט אן אנגעשטעלטער אין א שוך קראם אין גרעשיאס סטריט געזאגט: „איבער אייערע ברידער האב איך נישט קיין זונטאג רוה".

— ווארים דען?

— ווארים אייער ברודער — האט דער קריסט דערקלערט — האלט תמיד אפען זיין געשעפט, און אט שטעהן מיר א טיר נעבען א טיר. איך קען זיך נישט ערלויבען דעם לוקסוס צו לאזען מיין קאנקורענט מאכען געשעפטען, [illegible] טעג.

און געזאגט האט ער דאס מיט האס און פאחדרום. א כעס האט ארויסגעשפריצט פון זיין יעדען ווארט.

אפשר איז ער נישט אומגערעכט אין זיין כעס און שנאה.

און [illegible] שונאי ציון, דער איד, וועלכער איז אנטלאפען פון פוילען איבער דער זונטאג גזרה, ווען ער וועט זעהן אז דא טוען אידען דאס איגענע, נישט ווייל זיי זיינען דערצו חלילה געצוואונגען פון דער רעגיערונג ווי די אידען אין פוילען, נאר פשוט ווייל מען האט דא א שפיי געטאן אויף און פארהפקר'ט יעדע טראדיציע און אין דעם געלד געיעג האט מען אי דעם שבת פאר יאהר געמאכט און מיט'ן זונטאג איז מען זיך דאך בוודאי נישט מחויב צו רעכענען.

און איז דער גוי [illegible] דער קריסטליכער קאנקורענט צו־פוקעט — איבער דער „אידישע קעהרט" פאר איהם? זאל ער צעפוקעט ווערען!

ניין, עס [illegible] אז דער איד פון ווילנא, אדער ביאליסטאק, [illegible] ווארשוי וועט אזוי שטארק איבערראשט ווערען ווען ער וועט מיט אן אפען אויג באטראכטען אונזער אידישקייט.

זאל נאר דער [illegible] נישט מיינען אז מיר זיינען דא אויסען מוסר צו זאגען אדער מאראל צו פרעדיגען; מיר מיינען אויך נישט מחזיר למוטב צו זיין די וועלט.

מיר ווילען [illegible] א פאקט. פשוט אוועקשטעלען, אז מיר קענען [illegible] אזוי פיעל תענוג די אריבערגעקומענע אידען ווי פיעלע פון אונז דענקען אפשר אז מיר קענען עס יא.

זאלען מיר זיך נישט אפנארען און איינרעדען זיך, אז ווען אונזערע מאמעס, טאטעס און קרובים פון פוילען אדער אוקראינע וועלען קומען אהער און ווען זיי וועלען דערזעהן וואו פאר א שעהנע און רייכע שוהלען און קאנגרעגיישאנס מיר האבען, און זיי וועלען א בליק ווארפען אויף אונזערע רעליגיעזע ערציהונגס און סאציאלע אינסטיטוציעס וואס מיר האבען, וועלען זיי גאר נתפעל ווערען.

ניין, זיי וועלען נישט ווערען נתפעל און נישט באגייסטערט.

פונקט ווי אונזערע פרומע אידען האבען פריהער נישט געקענט — די ערשטע צייט פון זייער אנקומען אהער — אזוי גיך שלום ווערען מיט דעם אמעריקאנער אידישקייט און עס האבען געמוזט [illegible] פון זיי האבען זיך זיי ס'נישט איז איינגעזעסען און איינגעפירגעבערט אזוי וועט עס אויך זיין איצט, כאטש קיין שום מענשליכע פאנטאזיע איז נישט קרעפטיג און [illegible] זיך, און זיך מער [illegible]

צו זיין דעם שרפ'עדיגען גיהנום, אין וועלכען אונזערע טאטעס און מאמעס, קרובים און חברים פרעגלען זיך לעבעדיגערהייד.

ווארים אין דעם גאנצען גרויזאמען און אוממענשליכען גיהנום האבען יענע אידען נישט ארויסגעלאזט זייערע פרינציפען און האבען נישט פארפילגט זייערע טראדיציעס.

פון אונטער די חורבות ארוים און פון אונטער דעם בארג מיט געטויטעטע קדושים האט זיך געהויבען דער גאלדענער אידישער פאדים, האט זיך געשטיערט די גאלדענע אידישע קיום.

האבען מיר דאך געהערט פון אידישע חדרים אין אוקראינע, פון אידישע שולען אין פוילען, פון אידישע צדקות און אידישער כלל ארבייט.

זיי וועלען דא רוהיג אפאטהעמען — דאס איז זיכער! און ווען די היגע אידען וועלען זייערע אינסטיטוציעס נאך פארשעהנערען און פארייכערען, וועט דאס זיי זיכער הנאה טאן.

אבער אז זיי זאלען נתפעל ווערען, זיך באגייסטערען — דאס גלויבט זיך נישט.

מיר דארפען ערשט טאן, ווערען טעטיג אום צו האבען מיט וואס צו איבערראשען די „יוראפשע" געסט.

און וואס מיר דארפען טאן, און אויף וואס פאר אן אופן מיר דארפען טעטיג ווערען וועגען דעם וועלען מיר שרייבען אין די נעקסטע נומערן.

א סטאטוע פאר ראבערט בורנס אין דעטראיט

בעארבייט ספעציעל פאר'ן „וועג" פון **בן דניאל**

די פופציג טויזענד סקאטלאנדער אין דעטראיט אינאיינעם מיט זייערע לאנדסלייט איבער דער גאנצער וועלט פייערען דעם הונדערט איין און זעכציגסטען געבורטסטאג פון זייער דיכטער ראבערט בורנס און דא, ביי אונז, אין דעטראיט האבען זיינע לאנדסלייט ווי עס ווערט געמעלדעט באשלאסען איהם אויפצושטעלען א מאנומענט וואס זאל קאסטען צעהן טויזענד דאלאר.

הויכלענדער און נידערלענדער האבען זיך פאראייניגט אין דער פייערונג פון דעם געבורטסטאג פון סקאטלאנד'ס נאציאנאלען פאעט, פיעלייכט דער באריהמטעסטער פון אלע דיכטער, וואס ניט קוקענדיג אויף דעם נידערלענדישען סקאטישען דיאלעקט, וואס ער האט געברויכט, האט ער דאך באוויזען צו אפעלירען דורך זיי צו אלע מענשען, ניט אבהענגיג פון וואנען זיי קומען און וואס פאר א דיאלעקט זיי רעדען.

* * *

פו איבער הונדערט און פופציג יאהר צוריק קומט צו אונז ראבערט בורנס און איז היינט פונקט אזוי אין צייט ווי אמאל מיט זיין שליחות פון גוטברודערשאפט, ליעבע און גלייכהייט, ניט אין קיין געשליפענע פראזע, ניט אין גראנדיעזע טערמינען דערפאר איז ער אבער אזוי נאהענט, אינטים און אפעלירענד.

א גרויסער מאן געווען יענער פעלד־מענש פון [illegible] מיט זיינע פשוט'ע, גראבע, מגושם'דיגע ווערטער, האט ער אריינגעדרונגען צו אונז טיעף אין הארצען און דארטען באריהרט די צארטעסטע סטרונעס פון אונזער נשמה.

און עס פאסט זיך זעהר גוט, אז גראד יענער פראפעט פון דעמאקראטיע, וואס איז געשטארבען דאן ווען די פראנצויזישע און אמעריקאנער רעוואלוציעס האבען געגעבען די מענשען א נייעם באגריף אין פאליטישער דעמאקראטיע, זאל ווערען געעהרט דורך א מאנומענט אין אונזער שטאטישען פארק.

דער קאמפיין פאר בורנס סטאטוע אין דעטראיט האט זיך אנגעהויבען מיט א חודש צוריק, ווען דא האט זיך ווידער ארגאניזירט א ראבערט בורנס קלוב.

א בורנס איז אין זיין דיכטען געווען [illegible] קען דינען דער פאקט, אז ווען די היגע שוהלען האבען אנגעבאטען דריי פרייזען צו די קינדער וואס וועלען אנשרייבען די בעסטע עססיי איבער ראבערט בורנס, זענען די געווינערס דוקא ניט געווען קיין סקאטלאנדער.

דאס באוויזט אז דעם דיכטער'ס הארץ האט געפיהלט פאר אלע מענשען גלייך.

די בורנס געזעלשאפט פלאנעוועט צו קריגען ערלויבניש ביי דעם שטאטישען קאונסיל אוועקצושטעלען דעם מאנומענט אין גראנד־צירקוס פארק. א פלאץ וואו די היגע באפעלקערונג לויפט דורך טאג־טעגליך אין די טויזענדער, און צווישען וועלכע עס וועלען זיך געפינען אייניגע וואס וועלען זיך אמאל אפשטעלען אויף א מינוט און זיך פארטראכטען וועגען דעם סקאטלענדישען גאון.

די סטאטוע וואס געפינט זיך איצט אין די הענט פון דעם סקולפטאר אין לאנדאן, ענגלאנד און וועט געבראכט ווערען קיין דעטראיט, קומענדען יוני, וועט אויפגעדעקט ווערען פאר'ן פובליקום אין אויגוסט אדער סעפטעמבער.

די דעטראיטער סטאטוע איז א קאפיע פון דער יענער וואס געפינט זיך אין עיר, אטלאנטא, וואו דער פאעט איז געבארען געווארען. א קלענערע סטאטוע נאך דעם איינענעם מוסטער געפינט זיך אויך אין בעלפאסט, אירלאנד. דער אריגינאל איז געמאכט געווארען פון דזשארדזש וו. לאוסאן, דער ראיאל סקאטיש אקאדעמיקער.

די איצטיגע סטאטוע מאכט לאוסאנ'ס איידים, וויליאם ראיג, פון דער פירמע ראיג און קאמפאניע, לאנדאן.

די סטאטוע וועט זיין 9 פוס הויך אויף א פעדעסטאל פון 12 פוס, און פעדעסטאל וועלען זיך געפינען פאנעלען וואס וועלען אילוסטרירען אייניגע פון בורנס'עס לידער.

וועגען דער אריגינאלער סטאטוע אין עיר פון וועלכע די דעטראיטער איז רעפליק, האט עדווארד פיגינגטאן, דער קריטיקער פון לאנדאנער קונסט־זשורנאל געשריבען דאס פאלגענדע:

„אין עיר האט מר. לאוסאן פאראייניגט אינטעלעקטועלע קראפט מיט פאעטישען געפיהל און פייער. די ארמס זענען איבערגעלעגט, די הענט שטייף אנגעצויגען און דער בליק ערנסט און קאנצענטרירט. צו דער איינפאכער גראציע פון בורנס'עס אברים קומען צו געדאנקען און געפיהלען. אזוי האט טאקע בורנס געקענט שטעהן און לייענען זיינע לידער צו דער עדינבורגער „סאסייעטי". אזוי האט ער אפשר געקענט שרייבען זיין „צו מיין געזונד" צו קלארינדא, אדער זיין „אדע צו מאריען" אדער זינגען זיין קלינגענדיגע „סקאטס אהא העי!"

דעטראיט וועט יעדענפאלס ניט זיין די ערשטע אמעריקאנער שטאדט וואס באעהרט א סקאטלאנדישען דיכטער. אייניגע אמעריקאנער שטעט האבען דאס שוין פריהער געטאן. נאך ניט לאנג צוריק האט אויך באסטאן אויפגעדעקט א בורנס מאנומענט.

דער באסטאנער מאנומענט איז פון בראנז און איז די ארבעט פון הענרי קיטסאן.

דער מאנומענט איז פרעזענטירט געווארען צו דער שטאדט פון דער באסטאנער בורנס געזעלשאפט. אויפגעדעקט דעם מאנומענט האט גאווערנאר קולידזש. קאסט 20 טויזענד דאלאר. און ס'האט גענומען אין באסטאן צוואנציג יאהר צו שאפען דאס געלט פאר דעם מאנומענט.

קיטסאן ווייזט אן הארעפאשענעם קרעפטיגען סקאטישמען, מיט געקרייזעלטע האר, מיט א טאמשענטער אין דער אנדער האנט די פאלע פאלט אריבער זיינע פלייצעס און דעקט צו הינטער זיך א שעהנע קאלי (הונט).

ניו יארק איז געווען די ערשטע שטאט וואס האט נאך אין 1880 אויפגעדעקט א בורנס מאנומענט.

בורנס האט זיך זיינע יאהרען אפגעגעבען מיט ערד ארבייט, און מיט דעם אקער אייזען אין האנט האט ער ביי דער ארבעט אין פעלד געדיכטעט זיינע לידער. איז געווען אן ארימאן אלע זיינע יאהרען און ווען אפילו ער האט שוין געדארפט ארויסגעבען זיינע לידער צו דעם צווייטען מאל האט ער געבארגט א פערדעל; מיט וועלכען ער איז געפאהרען רייטענדיג קיין עדינבורג (די קעפיטאל־שטאט פון סקאטלאנד) און פונקט ווי ער האט ניט קיין הצלחה אין זיין ארבעט אויף פארם, כאטש ער האט די ארבעט שטארק ליעב געהאט אזוי איז ער ביי זיין לעבען אויך ניט געווען ערפאלגרייך, ווען ער האט זיך באמיהט צו זאמלען אבאנענטען אויף זיינע לידער.

ערשט ווען ער איז געשטארבען האט די וועלט דערפילט וואס זי האט אום פארלארען, און מען האט איהם געמאכט א גרויסע מיליטערישע לויה, און ס'איז גלייך געשאפען געווארען א סומע פון צוועלף הונדערט פונט פאר זיין פאמיליע.

דערנאך, ווען דר. קורי האט ארויסגעגעבען זיין ביאגראפיע, האט זי ווידער ארייננעבראכט פונף און צוואנציג הונדערט פונט, וואס האבען געגעבען א מעגליכקייט זיין פאמיליע צו לעבען בעקוועם ביי זיין לעבען איז ער אייניגע מאל געווען ארעסטירט פאר ניט צאלען קליינינקע שולדען. און נאך זיין טויט, איז זיין נאמען דערמאנט געווארען מיט רעספעקט און אכטונג. זינט דאן ווערט דער סקאטלאנדישער פויער־פאעט באשאטען מיט עהרע איבער ענגלאנד און אמעריקא און צווישען די פארשיידענע שטעדט אין אמעריקא קומט היינטיגעס יאהר אויך אריין אונזער דעטראיט.

דיפלאמאטישע שמועסלאך ביי דער לעזשאנקע

(ספעציעל פאר'ן „וועג") פון **ישראלי**

עצות ווי אזוי צו באקעמפען דעם באלשעוויזם אויף א פרידליכען אופן.

וואס דאַרף מען טאן מיט די באלשעוויקעס?

די בלאקאדע האבען מיר שוין ארונטערגענומען, אונזערע סאלדאטען האבען מיר שוין צוריקגעצויגען. שטעלט זיך איצט די קשיה — מיט וואס פאר א ביליגען וואפען מיר פארזעצען אונזער קאמף קעגען באלשעוויזם? מיט ביליגע פאנדעיס רעדעס, אדער נאר מיט די [illegible] פון דער „סאלוויישאן ארמי"?

מיר מוזען דאך מיט עפעס קעמפען, [illegible] ווען מיר ווילען קיין שלום ניט מאכען...

די צרה איז נאר, וואס די דערמאהנטע בליזען זיינען ניט מעהר ווי יענע קינדערישע שוועהרלאך, מיט וועלכע מיר אינגלאך פלעגען זיך באוואפנען אלע תשעה באב.

אבער בעסער ווי גארניט — איז עס.

אזוי לאנג ווי דער עולם גלויבט אונז נאך אויפ'ן ווארט, אז א באלשעוויק עסט [illegible] פון געהאקטע בורזשויקעס, פארבייסט מיט „וויענערס" געפילט מיט פראפעסארען פלייש און פארטרינקט מיט'ן „קוואס" וואס פליסט אין די אדערען פון יעדען אנטי־באלשעוויק — מעגען מיר נאך דערווייל קיין שלום ניט שליסען מיר קענען זיך גאנץ געמיטליך פיהרען אן אנטי־באלשעוויסטישע מלחמה מיט קארטוניסטישע פינפאונזיעבעציגער, פובליציסטישע טענקס און בילי־סאנדישע לופט־שיפען.

נאך מעהר, איך בין איינשטימיג מיט'ן „בעל־מפרנס", מר. הואווער, אז וואס מעהר מיר וועלען אנקארמענען די רוסען מיט אלדעם גוטס, אלץ שנעלער וועט קומען די ענדע פון דעם ווינדיגען באלשעוויזם.

מיר דארפען זעהען, אז די רוסען זאלען אקארשט האבען צו עסען איבערגענוג, און דאן קענען מיר האפען, אז דער באלשעוויזם זאל אנהויבען ביסלעכווייז צו ליידען אויפ'ן מאגען, קריגען „אפעטיט־ימים" און — די ארדנונג איז געווינערט...

וואו שטעהט עס, אז מ'דארף דוקא אידען קריגען מיט ביקסען און הארמאטען?

די אינפלוענציא באצילען האבען ניט קיין האוויצערס, ניט קיין לופט־שיפען, ניט קיין טענקס, ניט קיין גאז־מאסקעס — גאר גיט, און פונדעסטוועגען, ווען קאלטשאק זאל געווען באזיצען זייער גבורה, וואלט ער ניט געבליבען הענגען אויף א שפיעז ווי א „קרבן פסח". ער וואלט זיך שטילינקערהייד אריינגעמארשירט אין מאסקווע, אויסגעלעגט אלע באלשעוויקעס אין 5 מינוט צייט און וואלט כהרף עין געווארען דער ערלייזער פון רוסלאנד. און דער רעטער פון דער מערב־אייראפעאישער ציוויליזאציע, וואס איז געבויט אויף דעמאקראטיע און אויף דעם פרינציפ פון „כסף וזהב מטהר חזירים"...

ניין, ס'איז ניט נויטיג צו שלאגען די באלשעוויקעס מיט באוואפנטע ארמייען, ס'איז גענוג, וואס די היגע „פרי פרעס" גיט זיי יעדען טאג א קיבעץ אין איהרע „עדיטאריעלס", וואס די „ניוס" דרוקט קארטונס, וואו ס'ווערט געוויזען, ווי די באלשעוויקעס קייען טשוועקעס אנשטאט „טשואינג גאם" און וואס דער ניו יארקער „טאג" דרוקט זשאן סאווידזש'ס ארטיקלען.

איך ארייך צו מיין פליכט אין קאמף קעגען באלשעוויזם דערמיט, וואס איך האב יעצטענס אנגעהויבען רויכערען „מאגיר" סיגארעטלאך, גלייך ווי איך וואלט געווען א שותף צו דער „דעטראיט בענק" אדער לכל הפחות וויס־פרעזידענט פון אן אוטאמאביל פעקטארי איך האב זיך פארשטעהט איהר מיך — געשטעלט קעגען דער פראלעטארישער פסיכאלאגיע פון אייניגע געמאכטע סיגארעטלעך, וועלכע קענען ברענגען דערצו, אז דאס גאנצע הויז זאל פארפלייצט ווערען מיט באלשעוויסטישען טאבאק און מיין מיסעס זאל מיך נאך דעפארטירען מיט'ן „נעקסט" אויף יענער זייט טיר.

ניעדער מיט קבצנ'יזם!

אלע גוטע בירגער דארפען אנהויבען שטרעבען צו א קאפיטאליסטישער [illegible] אויף הייסטינגס סטריט; אלע פאטריאטישע טעכטער דארפען — די באלשעוויקעס אויף צופוקעניש — זיך אנטאן אין „סיעל קאוטס" (נעווער מיינד יעם מאנ'ס פארדינסטען!) און ס'איז פשוט די פליכט פון יעדער שעהן מיידעל זיך צו פארליעבען נאר אין אזעלכע בחורים וואס האבען „טעקסים", רויכערען „פאר־מאל", טאנצען „שימי" און טראגען רינגען פון גאלד־מיינס.

זיך צו פארליעבען אין אן ארים־בחור אין צייטען פון באלשעוויזם, איז א פארראט געגען די אינסטיטוציעס פון דעמאקראטיע און אן אפענע הסכמה אויף דער נאציאנאליזירונג פון פרויען.

זאלען מיידלאך ניט חתונה האבען מיט קבצנים, וועט זיך אזוי ביסלעכווייז אונטערגעהן די פראלעטארישע ראסע און מיר'ן פטור ווערען פון דער פראלעטארישער קרענק וואס טראגט דעם נאמען „באלשעוויזם".

נאכמאל. — מיר דארפען ניט שלאגען די באלשעוויקעס מיט ארמייען מיר קענען זיך אויף א גאנץ פריעדליכען אופן ברענגען דעם באלשעוויזם צום אונטערגאנג.

אזוי דענקען יעצט די גרויסע דיפלאמאטען פון פאריז און לאנדאן און אזוי גלויב איך אויך, ווייל... ס'איז א טייערע טעמא פאר א בטלנ'ישען פעליטאן...

די דיפלאמאטען האבען אנגעפאנגען א „ליזשאנקע" פאליטיק בנוגע רוסלאנד, און ס'איז יעצט די פליכט פון אלע לאיאלע בטלנים זיי צו העלפען דורכפיהרען זי, ביז א זיגרייכער ענדע...

שלום מיט די באלשעוויקעס טאר מען ניט און מ'דארף ניט מאכען! שלאגען זיך — אויך ניט. נאר וואס דען?

ליזשאנקע־פאליטיק און בטלנ'ישע פראפאגאנדע — אט דאס וועט צווינגען טראצקי'ן צו קומען צו אונז אויף די קניע און בעטען מחילה...

א אידישע נוירסערי געגרונדעט

ווערטהער רעדאקטאר פון „וועג"

אזוי ווי איך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געווען די גרינדערס פון דעם בית יתומים, יעצט שטעהט שוין דער בית יתומים אויף איין שטיקעל באדען האבען מיר זיך ארומגעזעהען אז אויסער דעם בית יתומים איז נויטיג איין נוירסערי, ווארים קיין קינדער אונטער 4 יאהר טאר מען ניט אריינעהמען אין בית יתומים. יעצט איז די פראגע וואס וועט מען טאן מיט די קליינע קינדער אונטער 4 יאהר וועמעס מוטער אדער פאטער שטארבען חלילה, ווען דער פאטער שטארבט און די מוטער וויל געהן ארבייטען, האבען מיר געגרינדעט איין נייע נורסערי ווען די מוטער וויל געהן ארבייטען און אבערלאזען איהרע קינדער זאל זי ברענגען אין דער פריה די קינדער און אויף דער נאכט זיי אהיים נעהמען און איין נוירסערי פאר קליינע קינדער יתומים'לאך פון איין טאג ביז 4 יאהר נעהמען מיר זיך אונטער מיט גאט'ס הילף און די הילף פון גוטע מענשען מעמבערס, זאלען מיר עס קענען אויספיהרען [illegible] הויז פאר איין נוירסערי עס פעהלט נאר געלד. מיר האבען צו קויפען איין פאסענדע הויז [illegible]. געלד? אבער ווער וועט זיך אפזאגען צו געבען פאר אזא הייליגען צוועק ווי א נוירסערי. מיר וועלען רופען גלייך איין מיטינג. מעמבערס און נייע מעמבערס זאלען קומען צו דיזען וויכטיגען מיטינג פיר דער גרינדונג פון א נורסער און דעי נוירסערי.

די גרינדער זענען ווי פאלגט:

מרס. ראטענבערג
מרס. ראטה
מרס. העגרי
מרס. ראדין
מרס. לאד
מרס. שאפירא
מרס. פאליס
מרס. האלצמאן
מרס. ווינענאר

פאר מעהר איינצעלהייטען וואטשט דעם „וועג".

ליעדער

(ספעציעל פאר'ן „וועג") פון א. סיימאן

צום געוויסען

שווייג, די שווערער גייסט אין מיר!
דערצעהל מיר ניט פון שולד און זינד —
פלאג מיין הארץ ניט מיט געוויין;
איך בין דאך גאר א יונגעס קינד...

זעהסטו ניט, ווי צארט און מילד,
מיין יונגעס הערצעל צוטערט... שווייגט...
ווען שטיל א ווייבער איינטעל גלעט
און סודות'דיג מיך רייצט און זייגט...

קענסטו שטערען ווארעם בלוט,
[illegible] מיין הארץ צו יעדען גליד,
און שווידערט אויף פון קעלט... און זידט...
[illegible] וואס ברענט און בריהט?

לאז א יונגען הארץ זיין פריי!
ניט זאג איהם אז די וועלט איז שלעכט,
— זאג ניט אז ס'איז דא געפאהר
אין שטילע, סודות'דיגע נעכט...

מיין פייגעלע

כ'וועל דיר בויען וואו א נעסט,
שעהנע, קליינע פייגעלע,
אויף א דעמבע, שטארק און פעסט;
אויף א שעהנעם צווייגעלע...

וועסט דארט טרילען ווייט און ברייט,
און אין הערצעל פרעהען זיך;
וועסט זיך באדען אין דעם טוי
און אויף בלעטער וויגען זיך...

וועסט זיך פליהען איבעראל,
וואו די איגען טראגען דיך
און וועסט קומען באלד צוריק,
אין דיין נעסטעל רוהען זיך...

און דיין טריבע ווינטער ליעד
וועט א כוואליע איינשלינגען,
און פארשווינדען וועט זי ווייט —
זיך אין אפגרונד איינזינגען.

אין דער אידישער ארבייטער גאס

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון ע. אישחביב.

סעמיועל גאמפערס, פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר וועגען די אידישע געווערקשאפטען. — די ארבייטער אויף גוהייט גודס' קריגען א לויןהעכערונג. — דער יובילעאום פון ארבייטער רינג סאנאטאריום. — א סטרייק ביי די סוט־קיים און בעג־מייקערס מעגליך.

די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר האט באשלאסען צו פאראייניגען אלע צענטראלע קערפערשאפטען פון גרייטער ניו־יארק אין איין צענטראלער קערפערשאפט. דער צוועק פון דעם איז צו פארזיכערען איינינקייט אין האנדלונג און פארשטארקערען די ווירקזאמקייט פון דער צענטראלער קערפערשאפט. פיעלע צייטונגען האבען געשריבען, אז דער אמת'ער הויפט צוועק איז צו באקעמפען ראדיקאליזם, וואריס לעצטענס איז די צענטראל לייבאר יוניאן פון ניו יארק ניט געוועזען אזוי געהארכזאם צום עקזעקוטיוו קאונסיל פון אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר ווי אין די פריהערדיגע יאהרען. דאס איז אבער ענטשיעדען אפגעלייקענט געווארען דורך סעמיועל גאמפערס, פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר וועלכער איז געקומען אין ניו־יארק פאר דעם צוועק פון רעארגאניזירען די צענטראלע קערפערשאפטען.

די פראגע פון פאראייניגונג האט געבראכט אויפ'ן טאגעס אהדנונג די פראגע וואס צו טאן מיט די אידישע פאראייניגטע געווערקשאפטען. אין איין וועג זיינען די „געווערקשאפטען" א צענטראלער קערפערשאפט און דערפאר לויט'ן פראגראם דארף זי זיך אויפלעזען און פארשלינגען ווערען אין דער אלגעמיינער צענטראלער קערפערשאפט וואס וועט ארגאניזירט ווערען. פון דער אנדערער זייט, זיינען די געווערקשאפטען צוזאמענגעשטעלט בלויז פון אידישע ארבייטער יוניאנס און דערפאר דארף זי ניט אריינגענומען ווערען אין בלל. און דערפאר איז העכסט אינטערעסאנט מר. גאמפערס'ס מיינונג וועגען דער פראגע. אין דער רעדע וואס ער האט געהאלטען איבער דעם, האט ער איבערגעגעבען זיין מיינונג וועגען דער נוצליכקייט פון אזא קערפערשאפט ווי די געווערקשאפטען און וועגען איהרע גרויסע פארדיענסטען פאר דער ארבייטער באוועגונג בכלל און פאר דעם אידישען ארבייטער בפרט.

צווישען אנדערעס האט ער געזאגט:

„די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען איז איינע פון די נוצליכסטע קערפערשאפטען פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. זי טוט די ארבייט וואס קיינער פון די אנדערע קערפערשאפטען וואלט קיינמאל ניט געקענט טאן. זי דארף בלייבען עקזיסטירען אפילו ווען אין ניו־יארק זאל אויפגעשטעלט ווערען די בעסטע און פעהיגסטע צענטראלע קערפערשאפט.

איבערגעהענדיג צו דער געשיכטע פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האט ער געזאגט, אז ווען די ערשטע אידישע אימיגראנטען זיינען געקומען אין אמעריקא זיינען זיי געווען הילפלאז און עלענד. זיי זענען געקומען אהער פון די לענדער פון וואנען פאגראמען און הריגות האבען זיי געטריבען אהער. זיי זיינען געקומען אהער אום זיך צו רעטען פון זייערע פארפאלגער. נאטירליך האבען זיי זיך דא געפיהלט פרעמד אינטער א פרעמדען הימעל, פרעמדער שפראך און פרעמדער קולטור. זיי האבען אבער דא געפונען פרייהייט, די פרייהייט צו ארגאניזירען זיך.

די ערשטע אידישע אימיגראנטען, אדרי מערע פון זיי, מייסטענס דייטשע אידען, זיינען אריין ארבייטען אין סיגאר פעקטארים און שניידער פעקטארים וועלבע האבען באלאנגט צו זייער לאנדס־לייט, וועלכע זיינען געקומען פריהער פון זיי. די רייכע ברידער פון זייער אייגען פאלק האבען זיך באנוצט מיט זייער הילפלאזיגקייט און זיי עקספלואטירט אויפ'ן ערגסטען אופן.

די אינטעליגענטע מענשען פון זיי האבען דאן אנגעהויבען בויען יוניאנס. די ערשטע עטליכע יוניאנס האבען גלייך איינגעזעהען די נויטווענדיגקייט פון א צענטראלער קערפערשאפט. פון געמיינשאפטליכער אקציאן און האבען ארגאנזירט די אידישע געווערקשאפטען.

די געווערקשאפטען ארגאניזירט אידישע ארבערס, צום ביישפיעל, ארעט בלעכערס, ארער שוסטער און ברענגט זיי אריין אין די אינטערניישאנאלס פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר. אזוי בהוט זי מיט די בילדינג טרייד ארבייטער און אזוי מיט אלעמען. ווען זי ארגאניזירט א יוניאן, זעהט זי גלייך, אז דיעזע יוניאן זאל זיך אנשליסען אן דער אינטערניישאנאל פון דעם טרייד. און אויב אזא אינטערניישאנאל איז ניטא, זאל זי זיך אנשליסען אלס א פעדעראל לאקאל צו די א. פ. אוו ל. די געווערקשאפטען קען לייב

טער, שנעלער און בעסער צוקומען צו די אידישע ארבייטער, ווי וועלבע עס איז אג דער „סענטראל באדי" זי רעדט די שפראך פון די אידישע ארבייטער און זי קען די פסיכאלאגיע פון די אידישע ארבייטער. שוין עטליכע יאהר, אז זי טוט די ארבייט פון ארגאניזירען זיי און אריינברענגען זיי אין די רייהען פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג. זי איז דערפאר נוצליך פאר דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר.

גאמפערס האט געענדיגט דערמיט וואס ער האט געזאגט, אז הגם ער איז ניט אלע מאל איינפערשטאנען מיט דער האנדלונג פון די געווערקשאפטען און זאגט עס אימער ארויס ווען דאס איז דער פאל, דאך קומט דער געווערקשאפטען קרעדיט פאר אלעם וואס זי טוט און דער קרעדיט דארף פון איהר ניט אוועקגענומען ווערען.

איז נוצליך פאר דער ארבייטער באוועגונג און דארף ניט אויפגעלעזט ווערען.

די נויטווענדיגקייט פאר העכערע לוין אונטער יעצטיגען יקרות האט פאראורזאכט כמעט אלע יוניאנס צו שטעלען פאדערונגען צו זייערע בעלי־בתים, און די וואיט גודס וואירקערס יוניאן לאקאל 62 האט אויך געשטעלט פאדערונגען. דיא קאנפערענצען מיט זייערע בעלי־בתים האבען זיך פארצויגען פאר וואכען. טייל וועגן צוליעב דער איינגע'עקשנ'טער שטעלונג פון דער קאטאן גארמענט אסאסיאיישאן און טיילווייז צוליעב דער קראנקהייט פון זייער מענעדזשער. ענדליך זיינען זיי געקומען צו א סעטעלמענט.

אלע ארבייטער אין דעם טרייד האבען א העכערונג אין שכירות. די קאטערס פון דעם פאך האבען באקומען א העכערונג פון פיער דאלאר א וואך און אלע אנדערע ארבייטער צו צוויי דאלאר א וואך יעצט, און נאך א דאלאר זאלען זיי באקומען פון דעם קומענדען סעפטעמבער. די שטיקארבייטער באקומען א העכערונג פון 10 פראצענט יעצט און נאך 5 פראצענט פון דעם קומענדען 1טען סעפטעמבער. די העכערונג איז אריין אין קראפט דעם 9טען פעברואר 1920.

די ארבייטער פונם פאך, כמעט אויסשליסליך פרויען, זיינען גאנץ צופריעדען מיט דער הוספה. די בעלי בתים ווידער זיינען אויך צופריעדען וואריס די לאגע אין פאך איז אזא, אז זיי מאכען גוטע .עסק און זיי האבען געקענט אפארדען צו געבען די הוספה.

דער אגרימענט צווישען דער יוניאן מיט דער אסאסיאיישאן איז געשלאסען געווארען לעצטען מארטש אויף 2 יאהר צייט. און דערפאר וועט דער יעצטיגער אגרימענט זיין אין קראפט ביז מארטש 1921.

דער ארבייטער רינג ארדען וועלכער זאט זיך געגרינדעט אין יאהר 1900 איז זעהר פאפולער צווישען די אידישע ארבייטער־מאסען. צווישען אלע אנדערע אונטערנעהמונגען האט ער מיט צעהן א[...]יך געגרינדעט א סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע. דאס האט פאסירט מיט צעהן יאהר צוריק. דער ארבייטער רינג איז דאן געווען ארעם און קליין און עס האט זיך געפאדערט איבערגעבענהייט און אונטערנעהמונגס גייסט צו בויען אזא סאניטאריום, אזא קאסטבארע אינבטיטוציע פאר שווינדזיכטיגע.

די אפפערווילינקייט פון די מיטגליעדער אין דער פאקט, אז אן ארבייטער ארגאניזאציאן נייטיגט זיך אין א סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע מעהר ווי אירגענד וועלכע אנדער ארגאניזאציאן פשוט דערפאר ווייל דער גרעסטער פראצענט פון די קלבנית קומט פון ארבייטער־רייהען — האט געגעבען די פיהרער דעם מוט אנציגעהן מיט דעם פראיעקט און דער סאניטאריום איז אויפגעבויט געווארען מיט צעהן יאהר צוריק אין ליבערטי, ניו יארק.

מיט צעהן יאהר צוריק איז דער ערפארג געווען א פראבלעמאטישער. יעצט איז ער אבער א זיכערער. פאר די צעהן יאהר פון זיין עקזיסטענץ האט דער סאניטאריום גראטעוועט דאס לעבען פון פיעלע מיטגליעדער פונם רינג און עס איז אן אנערקענטער פאקט, אז דער סאניטאריום איז ווירקליך א שטאלץ פאר'ן ארבייטער רינג.

צוליעב דער געלעגענהייט האט די סאניטאריום קאמיטע ארגאניזירט א קאנצערט פאר פעברואר דעם 8־טען און האט פארבונדען די פייערונג פון יובילעאום פון סאניטאריום מיט אן אונטערנעהמונג פאר די אידישע מלחמה־קרבנות. דער קאנצערט איז פארגעקומען אין מאנהעטען אפערא הויז, ניו יארק. אלע אלטע מהווער פון דער ארגאניזאציע, אלע געוועזענע מיטגליעדער פון די סאניטאריום קא[...] מיטע זיינען געווען אנוועזענד. דערעם זיינען געהאלטען געווארען פון אב. עפשטיין, טשערמאן פון ארבייטער רינג; דר. נ. האלפערזאן, ארמיטינג דאקטאר פונם ארבייטער רינג סאניטאריום און ר. גלוסקין, וועלכער איז געוועזען טשערמאן פון דער אונטערנעהמונג.

די סוט קיים און בעג מייקערס יוניאן האט לעצטענס געשטעלט פאדערונגען צו זייערע בעלי בתים. די הויפט פאדערונגען זיינען געווען: 44 שטונדען; א באשטימטער מינימום סקייל; 7 באצאהלטע יום טובים און וואך ארבייט פאר אלע ארבייטער. ווי געוועהנליך, אז מען שטעלט פאדערונגען האט מען קאנפערענצען. אלעם דאכט זיך וואלט געווען גוט, נאר. און וואו „נאר" איז דאך א שטיקעל צרה. די באסעס אסאסיאיישאן האט ערקלערט, אז זי וויל ניט קיין וואך ארבייטער אין דער אינדוסטריע. די יוניאן פון איהר זייט באהויפטעט, אז זי וועט באשטעהן אויף דיעזער פאדערונג אונטער אלע אומשטענדען. און דיזער פונקט איז דער הויפט אונטערשייד צווישען דער יוניאן מיט די בעלי בתים.

אן אייניגונג צ פארמיידען א סטרייק וואלט געווען צו לאזען די זאך „סטאטוס קוואָ" דאס הייסט ווי פריהער איז געווען. די יוניאן איז אבער ענטשלאסען איינצופיהרען איין סיסטעם פון ארבייט, פרינציפיעל איז די יוניאן גערעכט. נאר צי וועט עס איינגעפיהרט ווערען בלייבט איבער צו זעהן.

דעטראיט'ער לײדיעס איד סאסייעטי

מיר, די אונטערגעצייכענטע, מעמבערס פון דער דערמאהנטער סאסייעטי זיינען ענטריסטעט געווען זעהענדיג אין „וועג", ווי די מרס. פערל אפרתי האט אונז עפענטליך פארשעמט און ווי זי באמיהט זיך אונזער גאנצען פאראיין צו פארניכטען דורך אנגעגעבענע טענות, וואס זיינען לחלוטין נישט ריכטיג.

1טענס דערצעהלט די מרס. אפרתי אז זי איז געווען די ערשטע פרעזידענטין. אבער דאס איז נישט אמת. מרס. אידא פיווען איז געווען די ערשטע פרעזידענטין און די מרס. אפרתי האט פון איהר איבערגענומען דעם אמט.

2טענס שרייבט מרס. אפרתי אז נאכדעם ווען זי האט איבערגעגעבען די טשערמאנשיפ איז פון 200 פרויען פארבליבען בלויז 50. דער אמת אבער איז אז מיר האבען איצט 153 גוט שטעהענדע מעמבערס און 28־30 אזעלבע וואס זיינען מעהר הינטערשטעליג אין דיוס. און עס וואלטען איצטער אויך געווען מעהר מעמבערס, ווען די מרס. אפרתי זאל נישט איגזיגן האבען קיין פערזענליכע אמביציעס און לאזען וואקסען דעם פאראיין און ניט קומ ען. איטליכס מאל און שטערען אויף אן אנדער אופן.

3טענס שרייבט מרס. אפרתי אז מיר האבען קיין געלד נישט אין דער סאסייעטי, ווערענד זי האט איבערגעלאזט 250 דאלאר. און דאס איז שוין 2 מאהל נישט ריכטיג. 1טענס האט זי בלויז איבערגעלאזט דעם פאראיין מיט $173.80 און 2טענס איז איצטער פאראן $269.42. מען דארף נישט פארגעסען אז דיעזע פארגע $300 האבען מיר חוין די 75 דאל. וואס מיר האבען בייגעשטייערט פאר'ן תכד של אמת; 75 דאלאר פאר דער נייער תלמוד תורה און 75 דאלאר פאר'ן בית יתומים; פאר'ן טשארטער האבען מיר געשפענדט 40 דאלאר און די קאנסטיטושאן 60 דאלאר און געשטיצט מיט 200 דאל. נויטבאדערפטיגע. באדעכענט באטיש האט דיעזע סומעס געלד און איהר ועט זעהן וואס פאר אן אבאראט און געלד אונזער סאסייעטי האט געמאכט ווינט די מרס. אפרתי איז אוועק פון טשער.

4טענס שרייב מרס. אפרתי אז די מרס. פיווענס האט זיך אליין ארויסגעריסן. אבער אויך דאס איז נישט אמת. מיר האבען געוואלט מיט א מתנה ארויסווייזען אונזער אנערקענונג פאר דער עקס פרעזידענטין מרס. פיווען. האט זי זיך ענטזאגט פון מתנות, האבען מיר דערום געפונען פאר נייטיג עפענטליך צו באדאנקען איהר אין צייטונג. וואו זשע איז דא די עולה?

מיר האפען אז עס וועט ניט ערלויבט ווערען קיינעם מעהר צו אונטערגראבען די עקזיסטענץ פון אונזער סאסייעטי און באליידיגען די טיכטיקסטע מעמבערקע אונזער — מרס. אידע פיווען און דערויף שרייבען מיר זיך אונטער.

שרה קארפ, 240 מט. קאלם.
לינע גרינבוים
מ. ראזענבערג
בעקא קארבעל
אידע קארבעל
גידי פיינמאן
ליבע פייערמאן
מאלע ווינאווסקי
פאניא אלטער
יעטא האפענבערג — טרעזשורי פון דער לײדיס איד סאסייעטי.

דעטראיטער בית יתומים

מיר דארפען יעצט פאר דעם בית יתומים **א אידישע אינטעליגענטע פרוי** זי זאל זיין געבילדעט, אין אידיש און אמעריקאניזירט, און דערצו זאל זי פארשטעהן ווי ארומצוגעהן מיט קינדער, און א גוטע געלאסענע נאטור וועלכע זאל קענען אננעהמען דעם אמט פון א מאטראן, וואס די גאנצע ערציהונג פון דעם בית יתומים איז אבהענגיג אהן איהר, דיריקטינגע וועט באקומען א גוטע סאלארי.

אויך דארפען מיר א פרוי פאר איינקויפער, הויז ארבעט אויך זי מוז זיין א געלאסענע מיר וועלען פאר דער ארבעט גוט באצאהלען.

מיט אכטונג די קאמיטע פון בית יתומים

זיך ווענדען צו מר. ווייסוואסער, 140 גווירסקין סט.

טעלעפאן: טשערי 6136 ראבעליג.

דעטראיטער לײדיעס. איד סאסייעטי

איך אלס די ערשטע פרעזידענטין פון דער דעטראיט לײדיעס איד סאסייעטי און אין דעם נאמען פון אלע שוועסטער פראטעסטירען מיר קעגען דער אנאנסע, וואס עס איז געווען געדרוקט אין „פארווערטס" שבת, זונטאג און מאנטאג דעם 7, 8 און 9־טען פעברואר פון אונזער מעם בערקע, אידע פיווען: אויסנוצענדיג איר פערזענליכקייט און דאן ארויסווייזען אונטער דעם נאמען פון אונזער סאסייעטי. איז איך אלס ערשטע פרעזידענטין און אין דעם נאמען פון אלע מעמבערס שרייב איך אז אלעס וואס זי האט געשריבען איז נישט גאר ריכטיג, די באגריגדונגען זענען די:

1) זי שרייבט אז זי איז די גרינדערין פון דער סאסייעטי, אונזער סאסייעטי וועלכע האט זיך אפגעטיילט פון אן אנדער סאסייעטי מיט 150 מעמבערקעס מאקע דורך איהר האבען מיר באשלאסען אז קיין איינציגע שוועסטער־מעמבער האט ניט דאס רעכט זיך רופען „גרינדערין" פון דער סאסייעטי.

2) די נומעס וואס אונזער סאסייעטי האט געטאן האבען מיר אלע שוועסטער געטאן, אויס פליכט פון אונז אלע. און מיר האבען אבסאלוט ניט געשיקט קיינעם מען זאל אונז ארויסווייזען אין די פייפערס, אונזער סאסייעטי איז ניט אראנטווארטליך פאר די נאבעלע קאלעקטאוס וואס זיי ארויסווייזען זיך אין דעם נאמען פון אונזער סאסייעטי: איין זאך קענען מיר צוגעבען! זי איז געווען 8 מאנאטען פרעזידענטין, און איבערנעהמענדיג דעם אמט פון מיר, די ערשטע פרעזידענטין איז געווען א מעמבערשיפ פון 200 פרויען און אין טרעזשורי איז געווען $250 און יעצט אז זי האט איבערגענומען דעם אמט איז געבליבען 50 מעמבערס און ווען קיין מעמבערס זיינען ניטא, קען דאך קיין געלד אוודאי נישט זיין.

נאר יעצט האבען מיר ווידער ערוועהלט טיכטיגע אפיסערס און מיר האפען אז אונזער סאסייעטי וועט ווידער אויפבליהען און וועט זיך ניט אפשטעלען פון איהרע פליכטען צו טאן לטובת די אינסיידיגע און אויטסיידיגע נויטבאדערפטיגע.

אין נאמען פון אלע שוועסטער פון דעטראיט לײדיעס איד סאסייעטי:
די ערשטע פרעזידענטין
פעריל אפרתי

די פיעפעלס נײשיאנאל באנק

1842 דזשאזעף קעמפאו

האט ערעפענט

א פארײן עקסטשענזש

און געלד ווערט געשיקט נאך אלע טיילען פון דער וועלט.
נאב'ן טעגליכען קורס.

עהרליך'ס 20% off

יעהרליכער פעברואר סייל

20% off

אויף לייכטער, ראדזשערס טיש זילבער, טעה סעטס, קאפע סעטס א. ז. וו.

20% off

אויף פראכטפאלע קאט גלעס לעמפס, וואטער סעטס, ווײן סעטס, קאט גלעס באעלס, נעפפיס א. ז. וו.

10% off

אויף סאליד גאלד 14 קערעט בראסלעט וואטשעס, טשיינס, 14 קערעט בראסלעט וואטשעס, פלעטינום לאוועלירס, באר פינס און אלערליי געפאסטע דיימאנד דזשולערי. פארלירט ניט ד געלעגענהייט און סייפט 20 פראצענט

מאָע עהרליך:

די גרעסטע האלסייל און ריטייל דזשולערי סטאר
אין דער אסט סייד

21 יאהר
אין די זעלבע ביזנעס

אונזער ווארשאווער
אפיס צו אייער
דיענסט

שיקט געלט

דורך מייל אדער קייבעל
צו אייערע פריינד און קרובים
אין פוילען און גאליציען דורך
דער אלטער בענקינג פירמא

גאלדמאן בראס.

ד געלט ווערט אויסגעצאהלט
אונטער דער פערזענליכער
אויפזיכט פון אונזער שותף, דוד
גאלדמאן, וואס געפינט זיך
איצט אין ווארשאו

Goldman Bros
393 Hastings St.
Detroit. Mich.

ווארשאווער אפיס
Przejazd No. 5
Warsaw, Poland

זונטאג אווענד
מארטש דעם 7טען

דער לאנג ערווארטעטער גרעסטער קאנצערט פון יאר. געשפיעלט פון דעם פעטראגראדער מוזיק אנסאמבל

ז מ ר ה

אין די ארענא גארדענס

וואדווארד און העגדרי

עס איז צוגעגרייט געווארען א וואונדערבארע פראגראם פון די שענסטע חסידישע און פאלקס - לידער, אויך [...] מוזיק, וועלכע זיינען נאך פון קיינעם ניט געשפיעלט געווארען אויף אזא קינסטלערישען אופן.

טיקעטס פון 75 ס. ביז 3 דאלאר
צו באקומען:
אין גארדאן'ס בוך סטאר, 541 הייסטינגס,
אוטשעניק'ס בוך סטאר 455 הייסטינגס,
גאלדמאן בראס.
גרינעל בראס.
קופער'ס פארמאסי, וועסטמינסטער, קאר. גורוין
גאלדמאנ'ס פארמאסי, וועסטמינסטער קאר. העלמאר

Der Weg

...ט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראָיט, מיש. טעלעפאָן: מעין 3715.

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

...ג, מאנטאג, דעם 1-טען מארטש, 1920.

אריסטאָקראַטישע פרויען און דער ביטערער טראפען

פון ב. י. ג—ן

מיר ווייסען אז אין איטליכער מדינה פיהרט מען לעצטענס אן א קאמ... צו פארטאטען די אלקאהאלישע משקאות.

מען קעמפט פאר אזא געזעץ, ווייל ערשטענס דארף מען האבען די תבואות, וואס מען נוצט צו בראנפען און ביער, פאר וויכטיגערע זאכען ווי אלקאהאל. ברוים איז אין איצטיגער צייט לכל הדעות וועהר נייטיג אין מען קען עס ניט פטר'ן אויף אזא ליקסוס, ווי בראנפען און ביער זיינען.

צווייטענס וועלען דורכדעם פריי ווערען א סך ארבייטער. אין די ברויערים זיינען באשעפטיגט טויזענדער יונגע מענשען. ווען מען פארמאכט די ברויערים וואלטען דיעזע יונגע מענשען געקענט איינגענוצט ווע... רען ביי וויכטיגע און נוצליכע ארבייטען, אין וועלכע מען נייטיגט זיך איצ... טיגע צייט.

נאר די וויכטיגסטע אורזאכע איז דאס שיכרות אין די שענקען. הונדערטער טויזענדער זיינען א פעסט פון פארשיעדענע חילאת'ן, א דאנק דעם שיכרות.

טויזענדער קינדער ווערען פארנאכלעסיגט. האבען קיין ערציהונג ניט, ווערען פארדארבען און וואקסען אויס שלעכטע מענשען אין דער ספע... רע פון די שיכורים.

שיכרות איז דער וועג צו יאהרעלאנגע פיעלע פארברעכענס, וואס אויס... רעכענען זיי וואלט פארנומען צופיעל פלאץ און וועלכע זיינען שוין אלעמען צו גוט באקאנט.

מיר ווייסען ווידער אז די הייפט באקעמפער פון די ברויערי באלע... באטים זיינען די פרויען. ווארים ווער נאך מעהר, ווי די פרויען, ליידען פון דעם שכרות. וואס איז פארשפרייט צווישען דער באפעלקערונג און הויפט... זעכליך צווישען די מענער? ווער נאך ליידט אזוי פיעל ניט וויפיעל די פרוי פון א שיכור? וועמעס קינדער זיינען נאך מעהר הפקר, איידער די קינדער פון די אלקאהאליקער?

איז עס דערום קיין חידוש ניט, וואס די פרויען זיינען אזוי עקשנות'... דיג אין קאמף קעגען די בתי־עדים.

עס איז ווידער קיין חידוש ניט וואס במעט אלע פראהיבישיאניסטען זיינען דאפיר, אז די פרויען זאלען גלייכבארעכטיגט ווערען. ווארים דער מאלט — דענקען זיי — וועלען זיי האבען מיטהעלפער אין זייער קאמף מיט די אנטי פראהיבישיאניסטען, מיט די אלקאהאל פאבריקאנטען און מיט די פאליטישענס, וואס ציהען יניקה פון זיי.

בקיצור — עס איז א זיכערער פאקט, אז די פרוי, זייענדיג אליין תמיד ניכטער, ניט באנוצענדיג זיך קיינמאל מיט דעם ביטערען טראפען און ליי... דענדיג פון דעם מאנ'ס שיכרות איז א שטרענגע פראהיבישיאניסטקע און איז א שטארקע מיטקעמפערין מיט די אלע וואס ווילען זעהן 'טרוקענע' שטעדט, "טרוקענע" שטאאטען און גאנצע "טרוקענע" מדינות.

ווי זשע דארף מען איבערראשט ווערען ווען מען דערוואוסט זיך איצנד, אז 'עס הייבט זיך גאר ניט אן; אז עס זיינען שוין היינט פאראן, ברוך השם גענוג ווייבער וואס אנטלויפען ניט פון דעם ביטערען טראפען, פונקט ווי דער מאן; די פרויען ווילען אפנים מיט אלעם גלייך זיין מיט'ן מאן, ווי שעהרען זיך איצנד אפ די לאנגע האר, די צעפ; די קליידען זיך נאהענט צו מענער קליידער, ווי רויכערען סיגארעטלעך און ווארום זאל זיך ניט געפינען אזעלכע ווייבער וואס זאלען פרובירען אויך נאכטאן דעם מאן אין אויך פארזוכען פון דעם ביטערען און שעדליכען טראפען?

איך האב פריהער געזאגט אז עס זיינען פאראן אזעלכע ווייבער. דאס איז ניט אין גאנצען ריכטיג.

אונטער'ן ווארט "ווייבער" פארשטעהען מיר יענע פרויען וואס זיי... נען שוין מיושב'דיג געזעצטער און טאקע ניט גאר יונג. ווען מען האט אבער אין דער פארשלאפענער שטאדט פילאדעלפיא אנומלטען ארעס... טירט אין איין חודש 65 שיכור'טעס, זיינען דאס געוועזן סאמע יונגע מייד... לעך און יונגע ווייבלעך. (אין דעם זעלבען חודש האט מען אין דעם זעלבען פילאדעלפיא ארעסטירט בלויז 32 מענער שיכורים).

זאל תם ושלום דער לעזער ניט מיינען, אז די דאזיגע ארעסטירטע פרויען זיינען נחות הדרגא, אויסגעלאסענע. ניין! הוקא פון דעם "לייט... שען" און באלעבאטישען קלאס זיינען דיעזע שיכור'טעס געוועזן.

מען מעג אויך וויסען, אז די דאזיגע איבערגעטרונקענע מיידלעך און ווייבלעך האבען זיך חלילה ניט ערגיץ אריינגעגעהן אין א פראסטען שענק און זיך אנגעטרונקען. ניין! דאס וואלט געוועזן צו "קאמענע", צו פראסט.

דיעזע רייכע שיכור'טעס האט מען ארעסטירט מייסטענס ארום די קאבארעטס און רייכע קאפעהייזער, וואו זיי האבען פארבראכט צוזאמען מיט רייכע "דזשענטעלייט", מיט ספארטס און גלאט רייכע פוסט־און פאסניקעס, וועלכע זיינען תמיד גרייט צו 'באגלייטען' א "ליידי". — וועג... זי־וויל ווערען גלייכבארעכטיגט מיט די מענער — אין די סאלונס, אין די קאבארעטס.

איך האב אנגעגעבען א ציפער מכח פילאדעלפיא. אמת אז פון די אנדערע שטעדט ווי ניו יארק, שיקאגא און באסטאן זיינען קיין ציפערען ניטא, ווייל אין דיעזע שטעדט קומען די ארעסטען פון אויסגעלאסענע שיכור'טעס צוזאמען די "אנשטענדיגע" שיכור'טעס אונטער איין רובריק. אבער א פאקט בלייבט עס פארט, אז סיי אין שיקאגא און סיי אין ניו יארק און אפילו אין באסטאן, וואו עס וואהנט דער אמת'ר און עכטער יענקי, זיינען פאראן א גאר באדייטענדע צאל פרויען שיכור'טעס, וואס קומען פון רייכע און באלעבאטישע הייזער.

אין אונזערע געגענדען הערט מען נאך דערווייל ניט פון אזעלכע "רעכטלירענס" אבער אויך ביי אונז, שמועסט מען — דערווייל בסוד סודות — אז אונזערע רייכע דאמען קומען זיך ניט נאר זעלטען צונויף אין די אריסטאקראטישע הייזער וואו מען פלעגט ניט נאר שאמפיין, קאקטיילס ווי וואסער טרינקען, נאר טאקע פשוט'ען בראנפען.

מאכען פירושים דערצו, דערוויזען צו וואס דאס קען דערפיהרען איז איבעריג. דער אידישער לעזער ווייס גוט אז שיכרות איז דער קוואל פון אלדאס בייז.

אינטערעסאנט איז עס צו וויסען ווי די רייכע פוסט און פאסניצעס לעבען איצטיגע צייט און ווי אזוי זיי נעהמען זיך געגען שטארק צום הארצען די ביטערע לאגע, אין וועלכער די לעדער געפינען זיך איצט.

הומאָר און וויץ

א קריעגס־קאמעראד

שאול — ווארום, יואל, רופסטו אן מיכל'ן קריעגס־קאמעראד?

יואל — ווייל מיר האבען ביידע אין איין טאג חתונה געהאט.

ערב יום טוב

פרוי — זאג מיר, מיין ליעבער מאן, דו ביסט דאך א חכם: ווען וועל איך שטארבען?

מאן — ערב יום טוב, מיין ליעבע חנה!

פרוי — אין וועלכען "ערב יום טוב?"

מאן — אקוראט וועלכען, ווייס איך ניט; נור דאס בין איך זיכער, אז דער אנדערער טאג נאך דיין טויט וועט ביי מיר א גרויסער יום טוב זיין.

געוואלט באצאהלען

ריכטער — ווי קומט איהר דערצו, אבי... ווי איהר האט איהם מיט א מי... ...אג אפגעטאָרט, האט איהר נאך א לעפעל אויך גע'גנב'עט.

אנגעקלאגטער — איך האב געוואלט פארקויפען דעם לעפעל אום איהם פאר'ן מיטאג צו בעצאהלען.

א גנב בן גנב

ריכטער — ווי אלט זייט איהר גע... ...ען אלס, איהר האט דאס ערשטע מאל אין געפענגניס אריינגעטראטען?

אנגעקלאגטער — אכט יאהר.

ריכטער — אזוי פריה זייט איהר ...יין געווען ... גנב.

אנגעקלאגטער — ניין איך האב דאמאלס באזוכט מיין פאטער, וועלכער איז געזעסען פאר א גנבה.

בריעף קאסטען

אריה גאלאנט (211 קינג עווע) — האבען אייער ביטערען בריעוועל איבער־געלייענט און געצווינגען מיט די אקסעל: מיר ווייסען נישט פון עפעס צו זאגען. ניט מיר האבען געזעהן דעם עקס קאלא־ניסט פנים אל פנים, ניט ער האט אונז געגעבען ארטיקלען. נאר לאזט אונז אייך גלאט מודיע זיין אז אויב מעשיות וואס מען פארפאסט און מ'שרייבט גוואלד אז זיי זיינען אמת'ע, ממש געטראפען זיך, איז עס נאך קיין פאקט נישט, אז זיי זיי־נען דרוקבאר. ניבער זיינען אזעלכע מעשיות מעהר נישט געווען ווי דעם "וויסט בעסקעט". אלענפאלס האבען מיר אבער אייערע מעשיות אין די אויגען ניט אנגעזעהן. אפשר האט איהר זיי געגע־בען דעם רעדאקטאר, וואס האט פריהער אונזער שטעל פארטראטען.

אפרים סיימאן — איינגע אייערע ליעדער זיינען שטימונגספאל. וועלען גע־דרוקט זיין. מיר האבען געפונען אייערע א ליעד א לענגערע, אפנים געשיקט לאנג צוריק א גאנץ געלונגענע זאך.

נ. מאכלען — ווען דער שרייבער זאל וועלען אז מען זאל וויסען ווער ער איז, וואלט ער דאך נישט באנוצט קיין פסעוו־דאנים. מיר פארזיכערען אייך אבער א: מיר וועלען אייער גוטע מיינונג און קאמ־פלימענט איבערגעבען צו ר' ברוך'ן און ...אל עס איהם הנאה טאן.

מרס. שאפירא — דערפאר וואס עס ...אבען זיך דאס ערשטע מאל אריינגע־כאפט א פאר טעותים, האבען מיר עס דערום א צווייטען מאל איבערגעדרוקט.

קאפלאנ'ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די מאל־נערע לייטס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר־טענס; טייבעל קאווערס; שעטס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס ...אר מענער און ב...ס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס

ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס

מאקס ראזינסקי

353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

אין קעדיללאק

שפילען היינטיגע וואך די בארימטע מאנטע קארלא מיידלאך 40 אין צאהל. זעהר שעהנע קאסטיומען און א מאסע קאמיזים.

Dr. THERON

דענטיסט

1246 הייסטינגס סט., צווישען הענדרי און מעדבורי

זאל דר. טעראן זיין אייער דענטיסט.

אפיס שטונדען טעגליך פון 9 פריה ביז 1 נאכמיטאג.

טעלעפאן נארטוועי 4613.

מעסיגע פרייזען

פרייזען שטייגען

פרייטאג דעם 5טען מארטש

צוליעב די שטארקע פארגרעסערטע פרייזען און מאטעריאל און ארבעט וועל־כע ווערט באנוצט פאר דעם פאבר־צירען פון אונזערע פאטענטירטע רעאינפארסד קאנקריט גארבעדוש און איש רעסעפטי־קעלס, זענען מיר געצוואונגען צו העכערן די פרייזען די העכערונג פאנגט זיך אן פרייטאג דעם 5טען מארטש.

ווער עס וויל קויפען איינע פון אונזערע קאנקריט גארבעדוש אדער איש רעסעפ־טיקאלס בעפאר דעם דאטום קאן עס קוי־פען נאך אלטען פרייז.

אונזערע פאטענטירטע רעאינפארסד קאנקריט רעסעפטיקאלס זענען גוט געהיי־טען ביי די באדר און העלט אבסאלוט סא־ניטאריי, פריז פרוף און וועלען געדויערען

שטעלט אריין א רעסעפטיקעל היינט ווארט ניט ביז די באהר און העלט וועט אייך מאכען אריינשטעלען.

ספעשעל סייזעס פאר האטעלס און גרויסע אפארטמענטס.

Detroit Concrete Receptical Co

1303 Michigan Ave. — West 2287

איהר קענט אויך קויפען פון אונז דורך אידישען פארטרעטער ה. מ קויפמאן, זיין טעלעפאן איז מע לראוז 3595 ראבעליו.

— צו אלע —

לעבוויטשער לאנדסלייט

א רעליעף מאסמיטינג

אין ווילקינס סט. תלמוד תורה

וועט אפגעהאלטען ווערען

מיט'ן צוועק צו ארגאניזירען אלע לאנדסלייט אין דעטראיט

א ניויארקער פארטרעטער

געפינט זיך איצט אין שטאדט און וועט אדרעסירען די לאנדסלייט.

צווישען דער קאמיטע וואס ארגאניזירען די רעליעף פון די לעבאוויטשער געפינט זיך מר. ה. ראבינסאן פון די ראבינסאן און קאהען, זעליג בראס. און מעהרערע פראמינענטע דעטראיטער איי"ען;

קומט אלע, לאמיר זעהען וואס מיר קענען טאן פאר אונזערע שוועסטער און ברידער אין אונזער געבורטסשטאדט.

ירושלים לאזט הערען איהר שטימע

ב"ה יום ג' ה אדר שנת פ"ד'ת

מיר מאכען באקאנט צו די מנדבים פון די אלע 3 אינסטיטושאנס פון ירושלים און ארץ ישראל, וועלכע האבען די חזקה פון תקנות קדמונים צו האבען דעם זכות פון באקסעס אין די אידישע הייזער, פאר די נדבות אנצוהאלטען דאס לעבען פון די הונגעריגע אין ירושלים און פיר די אויפהאלטונג פון די ירושלים'ער אינסטי־טושאנס, נעמליך:

ר' מאיר בעל הנס, ישיבת עץ־חיים בקו"ח האספיטאל און בית יתומים דיסקין

און אזוי ווי יעדער פון די גענאנטע אינסטיטושאנס האט זיך גענומען די אויפגאבע צו פארשטארקען און פארגרעסערען די צאהל פון זייערע באקסעס, און די הכנסה פון זייערע אינסטיטושאנס, צוליעב די גרויסע פאדערונגען פון זייערע בארערפ־...ניש די פארטרעטערס משולחים פון רמבה"נ און ישיבת ע"ח ת"ת וב"ח האספיטאל זיינען היער יעצט פאר דיעזען צוועק. איז נאך אין בעראטונג פון איין מיטינג באשלאסען געווארען דאס פיר, דיעזען מאל זאלען ביידע משולחים מר' זאלין דער משולח פון רמב"ן און הר' ריכטער משולח פון ישיבת ע"ח האספיטאל, צו זאמען גיין קאלעקטען די געלדער פון די באקסעס און מקבל זיין נדבות פאר די זאגענאנטע אינסטיטושאנס. און זאלען אויך קאלעקטען די געלדער פון די בית יתומים באקסעס. אנשטאט וואס ביז יעצט איז אלעס געקאלעקטעד געווארען דורך איין משולח. די געלדער וועלען זיי איבערגעבען צום טרעזשורער הגבאי ר' אבא קייהאן. געלד מוז געשיקט ווערען נאך ירושלים בעפאר פסח הבעל"ט דער יקרות איז דארט יעצט גרויס, און די הצטרכות איז אונגעהייער שטארק. מנדבים נכבדים טרייעט צו פארגרעסערען אייערע נדבות אום צו משמח זיין די ארי־מע פאר דעם הייליגען יו"ט אין דער הייליגער שטאט ירושלים ובזכות זה תזכו לראות בבנין ציון וירושלים.

נאום יהודה ליב לעווין,

הרב דאגודת הקהלה דפה

נאום אברהם משה הרשמאן

נאום יחזקאל איישישקין, רב בדעטראיט

נאום יוסף הלוי אייזענמאן, רב בדעטראי

יוסף תאומים, רב בדעטראיט.

נאום אבא אליעזר בר' חיים קיידין

נאום נתן אפענהיים

אגודת שוחטי עופות דעטראיט

מיר בעטען די פרויען פון דעטראיט אז זיי זאלען איינקוי־פען זייערע טישקענס דאנער־שטאג פורים ביי טאג כדי די שוחטים זאלען קענען מאכען די סעודת פורים אזוי ווי אלע אידען ישראל וואסערמאן, פרעזידענט

גרויסער אקשען סייל

אויף גראסעריעס

— אין —

145 ווילקינס

קאר. הייסטינגס

מאנטאג דעם 1-טען מארטש 10 אזיגער אין דערפריה א פולער ליין קען גודס, פרוכט זייף, קעצאפ, פיין עפעל, דבאטלד גודס.

צוקער

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלוי,

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

קעדילעק, 2061

א קארנער גראסערי סטאר

צו פארקויפען מיט רומס צוזאמען די בעס־טע קארנער אין די נייבארהוד מיט זעל־טענע גוטע ביזנעס קיינע דעליווערי קעש טרייד אויף אלעס מיט רעזאנייבעל רענט איילט אייך צו, עס איז זייער א זעלטע־נע געלעגענהייט דיעזע סטאר איז שוין פארקויפט דורך א דעפאזיט נאר דער מאן קען ניט שאפען די גאנצע סומע געלט, דאס איז אייער טשענס

נאכפרעגען 551 ריווארד סט.

טעלעפאן טשערי 2450 ראבעליו

גרענד טשאריטי

באל

ווערט געגעבען ביי די

לידיעס פון דעטראיט

שבת אווענט דעם 6טען מארטש אין שרייבערס האלל

הייסטינגס קאר. אוידסין

ריעזער באלל ווערט געגעבען אום ארויס־צוהעלפען א פרוי מיט זעקס קינדער פון א הונגער טויט, עס איז איבעריג אייך צו בעטען, דער צוועק רעדט פאר זיך אליין.

קאהן יוניאן ארקעסטר האט דאנייטעד די מוזיק פאר דיזען אווענט.

טיקעטס 35 סענט

MAR 6 1920

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג
The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3716

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General."

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Tuesday, March 2nd 1920 Vol. 2, No 17 דינסטאג 2-טען מארטש, 1920.

1,600,000 כאן ארבייטער ווילען גלייך סטרייקען

וואשינגטאן, מארטש 1 — אלע ארגאניזאציעס פון דער נייער פאראייניגונג פון באהן יוניאנס גרייטען צו די סטרייק־מאשינערי, כדי צו באגעגענען דעם ערשטען פיינדליכען שריט פון די באהן קאמפאניעס.

אן אלגעמיינע אונצופרידענהייט הערשט צווישען די ארבייטער מיט פרעזידענט ווילסאנ'ס ענטפער. די ארבייטער פיהרער זענען זעהר באזארגט וועגען דער איצטיגער לאגע. ס'ווערט פארשטאנען, דאס זיי וועלען איבערגעבען צו די באהן ארבייטער, דאס זיי זאלען זיך דורך שטימען ארויסזאגען, וואס ס'דארף געטאן ווערען מיט מר. ווילסאנ'ס ענטפער.

רעלעגאטען פארטרעטער פון א 1.600-00 באהן ארבייטער געפינען זיך איצט אין וואשינגטאן. זיי פאדערען, אז א סטרייק זאל באלד ערקלעהרט ווערען.

דיעזע רעלעגאטען זאגען, אז איינינע פון די באהן מאגנאטען גרייטען זיך צו איינפיהרען אין זייערע באציהונגען צו די ארבייטער די זעלבע באדינגונגען, וואס האבען געהערשט פאר דער מלחמה. די ארבייטער פיהרער זענען העכסט אויפגעבראכט אויף ווילסאנען פאר זיין ענטזאגען זיך צו באפרידיגען זייערע לוין־פארערונגען.

בערט דזשועל, עקטינג פרעזידענט פון באהן אנגעשטעלטע אין דער אמעריקאן פעדערייש אוו לייבאר, ראט די ארבייטער, דאס זיי זאלען זיך צוגרייטען צו א סטרייק, אבער זיי זאלען אפווארטען ביז דער צייט, ווען די באהן מאגנאטען וועלען זיי געבען אן אורזאך צו סטרייקען.

די פארטרעטער פון די באהן מאשינסטען וועלען שטימען צו די פראגע פון סטרייקען זאל איבערגעגעבען ווערען נאכאמאל צו א רעפערענדום, אדער זיי זאלען זיך באנוצען מיט דעם באשלוס פון סטרייקען, וואס איז באשטימט געווארען דורך א רעפערענדום מיט 4 מאנאטען צוריק.

פארטרעטער פון א צווייטער באהן „בראדערהוד" וועלען האבען א זיצונג אין שיקאגא דאנערשטאג וואו ס'וועט באשטימט ווערען, וואס פאר א שטעלונג וואך זאל איצט אנגענומען ווערען. מר. עלען בארקער, גרענד פרעזידענט פון דיעזער „בראדערהוד" האט זיך אויסגעדריקט, דאס כאטש ער קען ניט זאגען באשטימט, דאס א סטרייק וועט באשלאסען ווערען, רעכנעט ער אבער, אז די מיטגליעדער זענען גענייגט צו סטרייקען.

מר. מעלאי, וויס פרעזידענט פון דיעזער „בראדערהוד", האט מיט פערדראס גערעדט וועגען דעם וואס פרעזידענט ווילסאן האט די באהן ארבייטער ווידער אפגענארט. מר. ווילסאן האט אונז געבעטען — האט מר. מעלאי געזאגט, — מיר זאלען אפלעגען אונזער סטרייק און מיר האבען איהם געפאלגט. איצט ווייזט זיך ארויס, דאס ער האט גאר אינגאנצען פארגעסען אן אונז".

ווייטער האט ער איבערגעגעבען, דאס צווישען די מיטגליעדער פון זיין „בראדערהוד" זענען פאראן פיעל וועלכע ארבייטען פאר $2.25 א טאג, און אז די העכסטע „וויידזשעס" איז 30 דאלאר א

קען מען זאגען אז זיי זענען נים „ביזי"

א „גענג" פון זיבען יונגע לייטלאך מיט „דריי אינגלאך, חצי בעל-מלאכות" האבען באוויזען צו מאכען 500 רויבערייען אין א פאר וואכען צייט

דעטראיט ווערט לעצטענס פארפלייצט פון א רויבער־כוואליע. מען באראבעוועט מענשען אין די גאסען; מען בארויבט געשעפטען; מען באפאלט אלטע לייט און נאר קליינע קינדער און ס'האט זיך געדרוקט אז א גענג, צוזאמענגעשטעלט פון טויזענד באנדיטען איז ביי דער ארבייט אין אונזער שטאט.

עס ווייזט זיך אבער ארויס, אז די צאהל פון די באנדיטען, וואס געוועלטיגען לעצטענס אין דעטראיט, איז ווייט ניט אזוי גרויס ווי זייער גרויסע גזלנ'ישע פעהיגקייט און ארבייטס־וויליגקייט: — זיעבען יונגע לייטלאך, אונטער דער „פעהיגער" אנפיהרערשאפט פון לעא סילוועסטער און שיאס לעא, פון 170 איסט קאלומביא סטריט, זיינען נעכטען ארעסטירט געווארען; און ווען מ'האט זיי גענומען אויפ'ן ציקבעל, האבען זיי זיך מודה געווען, אז זיי האבען געמאכט ניט ווייניגער ווי 500 רויבערייען און „האלד - אפס".

די „כשר'ע" נעמען פון די 5 תכשיטים זיינען: פרענק ספעסיא, 32 יאהר אלט, פון 170 איסט קאלומביא; סטענלי לענערפאל, 23 יאהר אלט, פון 359 אווירסקין סטריט; טאני־סאנא, 18 יאהר אלט, 643 ריאפעל סטריט; פאול סאנטילא, 17 יאהר אלט, 519 אלפרעד סטריט; דזשאהן סאוואלערי, 19 יאהר אלט, 766 ריאפעל סט. און הענערסאן קעמפבעל, 18 יאהר אלט פון 234 אלעקסאנדרין עוו. איסט.

ווארימע געגענדען, די יונגע באיעס האט מען ארומגעשיקט מיט כלומרשט'דיגע מעסעדזשעס אין די באטרעפענדע הייזער, אום אויסצושפיאנירען, צי ס'לוינט זיך און וויפיעל דער „דזשאב" קען אריינברענגען, „פארדיענסט און נאך אזעלכע שמוד־שטיק.

די גאר גרויסע רויבערייען, וואס די דאזיגע חברה האט געמאכט זיינען: אין ה. פון פאול פליעזער, 165 קאמטנוועלט עוו. וואו מען האט ארויסגעלאטכענט דזשועלערי און קליידער אין ווערט פון $4.000 אין הויז פון ע. ס. וואקפיעלד 2452 איסט גרענד בולווארד, וואו עס האט אין א שענעם פריה - מארגען ניט געסטייעט פאר $2,500 הויז - חפצים און אין דער הויז פון דזשאן קאלינס, 35 עליאט סט., וואו די דאזיגע באנדיטען האבען פאצאפעט פאר $1.500 דזשועלערי און קליידער.

נעכטען אין דערפרי האט דער „טשיעף" סילוועסטער און „ערשטע האנד" ספעסיא געכאפט א „רייד" איבער'ן שטאדט און א פאליס - אויטאמאביל (צוזאמען מיט פאליציייאישע באגלייטער פארשטייט זיך) און האבען אנגעוויזען אויף די הייזער וואס זיי האבען בארויבט.

צוזאמען מיט די אויסגערעכענטע חברה יונגען האט די פאליציי אויך ארעסטירט דריי אינגלאך, פופצעהן און דרייצעהן יאהר אלט, וועלכע זיינען געווען אנגעשטעלט פון דער אויבען־אויסגערעכענטער „גענג" אלס „מעסענדזש באיעס".

דער „שיעף פון דער גזלנים־ באנדע, סילוועסטער האט פאר דער פאליציי־באאמטע דערצעהלט, אז זיין „גענג" איז געווען סיסטעמאטיש ארגאניזירט, און אז איך ספעציאליטעט איז באשטאנען הויפטזעכליך אין הויז רויבערייען זינט לעצטען פריהלינג האט זיך די דאזיגע „גענג" נעהאלטען אין איין פארברייטען צו דער עבודה, געמאכט אלע נויטיגע הכנות, ווי ... זיך פארזארגט מיט אלע נויטיגע אדרעסען פון הייזער, וואו מ'קען עפעס נכבדינען וואס קען צוגוץ קומען; נאכגעפאלגט יעדען טאג די סאסייעטי־נאכסען אין די צייטונגען, כדי צו דערקונדיגען זיך נענוי, ווען די אדער יענע רייכע פאמיליע פאהרט אפ אויף „וואקיישאן". אין די

21 „טרוקענע" שטאטען אין קאמפף געגען „נאסע".

וואשינגטאן, מארטש 1 — 21 פראהיבישאן שטאטען האבען אנגעשטעלט טשארלס ע. היוז, דעם דורכגעפאלענעם פרעזידענט־קאנדידאט, דאס ... אין סופרים קאורט באקעמפפען ... נאסען'. ראוד איילאנד שטאט.

דיעזער „נאסע" ... האט דערלאנגט אין ה... געריכט פון לאנד אן אויפפא... אז דער 18־טער אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע (נאציאנאלע פראהיבישאן) און דער וואלסטער געזעץ (1 און א האלב פראצענט ביער) זאלען ערקלעהרט ווערען אונקאנסטיטוציאנעל.

די שנאפס הענדלער פיהרען אן אייבער'ן לאנד א שטארקע פראפאגאנדע געגען דער „טרוקענהייט".

די „נאסע' אינטערעסען וועט אין סופרים קאורט פארטרעטען א. רוט, געוועזענער סטייט סעקרעטער, אין רוזוועלט'ס קאבינעט.

באמבע געווארפען אין אן איטאליענישער אפטייק

נעכטען פריה איז געווארפען געווארען א באמבע אין דער איטאליענישער דראגסטאר, פון 679 ראסעל סטריט.

מ'רעכנט אז די באמבע איז געווארען געווארפען פון דער „שווארצער האנד" וועלכע האט לעצטענס עטאבלירט א שטאב־קווארטיר אין דעטראיט. דער אייגענטימער פון דער אפטייק, גאטענא נאפאליטאנא, האט לעצטענס געקראגען איינינע בריעף מיט סטראשונקעס. מיט א וואך צוריק האט נאפאליטאנא באריכטעט צו דער פאליציי אז א באמבע איז געווארפען געווארען צו איהם אין סטאר, אבער האט דעמאלט גליקליכערווייזע ניט עקספלאדירט.

2 געוועזענע דעטראיטער פאליסלייט ארעסטירט פאר גנבה.

רנעסט לאברעל, א געוועזענער מיטגליד פון דעטראיט פאליס דעפארטמענט און טשארלס בויקער אן עקס־פאליסמאן פון העמטרעמק זיינען נעכטען ארעסטירט געווארען אויף דער באשולדיגונג אין באגעהן עטליכע גנבות אין העמטרעמק און דעטראיט.

די באשולדיגונג לויטעט אז די צוויי געוועזענע „קאפס" האבען זיך אריינגנבעט אין א גאראזש אין העמטרעמק און צוגענומען פון דארטען א טייערע אויטאמאביל די צווייטע באשולדיגונג געגען די פאליס - אפיסערס לויטעט אז זיי האבען באגנב'עט א דעטראיטער פאמיליע אין $300 קליידער און דזשועלערי.

10 פרעזידענט קאנדידאטען פאר פרויען רעכטע.

וואשינגטאן, פעב. 29 — פינף רעפובליקאנער און 5 דעמאקראטען, מעגליכע פרעזידענט־קאנדידאטען, האבען אין א סטייטמענט צו דער נאציאנאלער פרויען פארטיי זיך ארויסגעזאגט פאר דער באלדיגער ראטיפיצירונג פון „סאפרידזש אמענדמענט" כדי די פרויען זאלען קענען שטימען אין די קומענדע וואהלען.

33 שטאטען האבען שוין ראטיפיצירט דעם דאזיגען אמענדמענט און ס'פעהלען נאך אויס דריי שטאטען, אום ער זאל ווערען א געזעץ. ארום 25 מיליאן פרויען וואלטען באקומען שטים־רעכט.

יאפאנעזישע סאלדאטען געהען איבער צו באלשעוויקעס

לאנדאן, מארטש 1 — די היגע „דעילי ניוס" דרוקט א לאנגען באריכט פון גרויסע ארבייטער אונרוהען וואס האבען פליצלונג אויסגעבראכען אין טאקיא און אין פיעלע קלענערע שטעדט פון יאפאן. די צייטונג זאגט ניט וואס פאר שריטע די יאפאנעזישע רעגיערונג האט אנגענומען צו אונטערדריקען די אונארדנונגען, אבער עס ווערט צוגעגעבען, אז די רעגיערונג געפינט זיך איצט אין א זעהר אונאנגענעהמע לאגע, און אויסער די ארבייטער אונרוהען איז די לאגע נאך ערגער געווארען דורך דעם וואס א גאנצער עסקאדראן יאפאנעזישע סאלדאטען אין סיביר האבען זיך אנגעשלאסען אן די באלשעוויסטישע ארמעע.

איטאליענישע סאציאליסטען שיקען א שליח צו ליטווינאוו'ן אין קאפענהאגען

רוים, פעב. 29 — די עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער איטאליענישער סאציאליסטישער פארטיי האט אויף איהר לעצטער זיצונג באשלאסען צו שיקען סיניאר באמבאטשי קיין קאפענהאגען פאר א קאנפערענץ מיט מאקסים ליטווינאוו, דער באלשעוויסטישער קאמיסאר, וועלכער פיהרט איצט אונטערהאנדלונגען מיט פארשטעהער פון די עלייעס. נאך דער קאנפערענץ מיט ליטווינאוו'ן וועט דער איטאליענישער סאציאליסט פאהרען קיין סאוויעט רוסלאנד אויף א ספעציעלע שליחות פון דער איטאליענישער סאציאליסטישער פארטיי.

הונדערט טויזענד פארלוסט אין גאראזש שרפה

נעכטען פריה איז פארגעקומען א שרעקליכע עקספלאזיע אין'ם גאראזש פון דער בריסקאל פיילס קאמפ., 998 וואודוואורד עוו. און עס זענען פארניכטעט געווארען 75 אויטאמאבילס.

די אורזאכע פון דער עקספלאזיע איז נאך דערווייל ניט באקאנט.

6 בריזעל אייגענטימער ארעסטירט

דער פראהיבישאן סקוואד פון פאליס דעפארטמענט האט זונטאג געמאכט אביסקעס אין אכט הייזער וואו עס ווערט פאבריצירט און פארקויפט פארבאטענע שנאפס און ראזשינקעס ווייןאין איין הויז, 144 מעקאם סטריט, האבען די דעטעקטיווס געפונען א „וויין רום" אויסגעפוירנישט מיט א באר און טישען ארום וועלכע עס זענען געזעסען א פאר דוצענד שנאפס ליעבהאבער און זיך געקוויקט מיט'ן שיטערן ביטערען מאכל. דער אייגענטימער פון דעם פראהיבישאן סאלון, מייק סאמאסא איז ארעסטירט געווארען און זיין גאנצער „בוז" סטאק וועלכער איז באשטאנען פון 50 גאלאן וויין און 450 גאלאן „ריינען וויין" איז קאנפיסקירט געווארען.

אין א צווייטע הויז 614 מיער עוו. האט סארזשאנט מאקאנזי פון טשיין סט. סטיישאן ,ארעסטירט עמארי קאנטאס ביי וועמען ער האט געפונען א קליינע בריזעל פון ראזשינקעס שנאפס אין פרלען גאנג.

דער „פלענט" און פיער גאלאן פארטיגע סחורה איז צוזאמען מיט'ן באלעבאס אפגעפיהרט געווארען אין פאלים סטיישאן.

אין 39 גולד סטריט, וואו די פאליציי האט געפונען א 150 גאלאן „רייזין מיש" איז קיינער ניט ארעסטירט געווארען. אנשטאט צו ארעסטירען דעם אייגענטימער און קאנפיסקירען די פארבאטענע סחורה האבען די אפיסערס באגאסען די שנאפס מיט קעראסין און אין דעם „מיקסטשור" אריינגעשאטען א פאר שופלעם אשעס.

א סטאק זעקס גאלאן שנאפס איז זונטאג פארטאג צוגענומען געווארען פון קאנסטאנט מאורעס־ ניער־ביער סאלון, קאנום און סיקס מייל ראוד. דער בעל הבית פון „טרוקענעם" סאלון און די סחורה זענען אפגעפיהרט געווארען אין פאלים סטיישאן.

צוויי יונגע לייט דזשארדזש פרעטענדען און מייק באגאטקא, פון 671 בווירנסייד עוו. זענען ארעסטירט געווארען. רעדפארד וואס זיי האבען ארומגעשפאצירט איבער די גאסען פון דער טרוקענער דעטראיט מיט פלעשלאך משקה אין זייערע קעשענעס. פאליצי דיינקט, אז די שנאפס האבען זיי ניט געטראגען פאר זייער איינענעם געברויך, נאר געקענ־

יועסט הורסטינג קאסטומערס.

איינער פון די שנאפס פאבריקאנטען, וועלכען די פאליציי איז געקומען ארעסטירען אין זיין הויז, 499 לאמבערט סט. האט אויסגעפיעט צו מאכען פיס. אזוי שנעל ווי די דעטעקטיווס האבען בעטראטען זיין שוועל. ער איז ארויסגעלאפען דורך א הינטער טהיר און איז נעלם געווארען. אין דער הויז אהבען די אפיסערס געפונען א בריזעל און א פאר צעהנדליג גאלאנס ראזשינקעס שנאפס. א דעטעקטיוו זיצט נאך אין דער דאזיגער הויז און וואַרט אויף'ן אייגענטהימער ער זאל צוריק קומען.

דעם לעצטען ארעסט, וואס די פאליציי האט געמאכט איז געווען אין דער הויז, 3096 גרילי סטריט, וואו זיי האבען געפונען דריי גאלאנס ראזשינקעס שנאפס. דער בעל הבית אילאי קריסאב מיט זיינע וואארע איז אפגעפיהרט געווארען אין פאלים סטיישאן.

האלד האפניק שיסט זיין חבר אנשטאט זיין קרבן.

איינער פון די דריי באנדיטען, וועלכע האבען נעכטען ביינאכט געמאכט א פארזוך צו בארויבען א פארבייגעהער ניט ווייט פון דעם מישיגאן סענטראל יארד, האט ניט ווילענדיג שיער דערשאסען אויף טויט זיין „קאללעגע", וועלכען עס האט געטראפען די קויל וואס איז געווען געציעלעוועט געגען דעם אפגעהאלטענעם. די באנדיטען האבען באפאלען דזשארדזש פאסטער פון 268 טראמבאל עוו. און אנגעשטעלטער פון דער מאגמא קריסטא טהעאטריקעל קאמפאני. פאסטער האט זיך אבער ניט אזוי לייכט געלאזט בארויבען און געוויזען א ווידערשטאנד געגען זיינע אנגרייפער. דאן האט איינער פון די באנדיטען אפגעפייערט א קויל אויף פאסטער'ן, אבער די קויל איז געפלויגען ניט אין ריכטיגען וועג און געטראפען איינעם פון דער „טראיקא", וועלכער איז געפאלען שווער פארוואונדעט, און געפינט זיך אין א קריטישען צושטאנד אין רעסיווינג האספיטאל. דער פארוואונדעטער האלד אפניק, וועלכער האט אנגעגעבען זיין נאמען אלס דזשאן לאמאי, 20 יאהר אלט, פון אן אדרעס האט די דעטעקטיווס דערצעהלט די איינצעלהייטען פון דעם אונגליקליכען האלד אפ. און דער רעזולטאט איז געוועזן, אז אין א שטונדע ארום האט די פאליציי ארעסטירט א יונגען מאן, מיט'ן נאמען סטענלי קראמאסקי, 23 יאהר, 47 לעווערים סט. אלס פארדעכטיגער אין דעם האלד אפ.

39 דעטראיטער ראדיקאלען וועלען דעפארטירט ווערען

ניו יארק, מארטש 1 — אימיגריישאן באאמטע אויף עלים איילאנד האבען נעכטען אנאנסירט, אז די 36 דעטראיטער קאמוניסטען, וועלכע זענען ארעסטירט אויף עלים איילאנד, אלס „אונגעוואונשטע" וועלען אין א פאר וואכען אפגעשיקט ווערען קיין סאוויעט רוסלאנד מיט דער צווייטער „תיבה" און ניט מיט קיין געוועהנליכע שיף. ווי עס איז פריהער געפלאנעוועט געווארען. די „ארקע" נומער 2 וועט פיהרען עטליכע הונדערט רויטע פון די 3000 וועלכע זענען ארעסטירט געווארען איבער'ן גאנצען לאנד אין די איבערפעלע פאר די לעצטע פאר מאנאטען.

נאך 3 „רויטע תיבה'ס" וועלען געשיקט ווערען קיין רוסלאנד.

ניו יארק, פעב. 29 — אין א רעדע, יאס מר. פאלמער, הויפט פון יוסטיץ דעפארטמענט, האט נעכטען אוועקגעהאלטען פאר'ן דעמאקראטישען פרויען־קלוב האט ער געזאגט, דאס אין גיכען וועלען פון ניו יארקער האפען אפגעהן קיין רוסלאנד נאך דריי „רויטע תיבה'ס" מיט דעפארטירטע רוסישע ראדיקאלען.

125 פון די פארהאלטענע אויף עלים איילאנד אויף דעפארטירט צו ווערען האבען ערקלעהרט א הונגער סטרייק. זייער פארלאנג איז, אדער מ'זאל זיי דעפארטירען, אדער פרילאזען, אבער ניט האלטען זיי מאנאטען לאנג פארשפארט.

גריגארי וויינשטיין, מארטענס'עס הויפט סעקרעטאר איז גערופען געווארען אויף א פארהער פון די אימיגראציאנס באאמטע. מיט א זעקס וואכען צוריק איז ער ארעסטירט געווארען און דערנאך ארויסגעלאזען געווארען אויף בייל. ער האט זיך אנטזאגט צו ענטפערען אויף פראגען, וועלכע ער האט גערעכנט זיי זענען ניט ריכטיג געשטעלט געווארען.

רומענישע אכזריות אין אונגארן

בודאפעסט, פעב. 29 — די רומענישע ארמיי פאנגט אן צו פארלאזען אונגארן. אן אונגארישער באטאליאן אונטער דער קאמאנדע פון קאפיטאן ליהער איז אריבער דעם טייס טייך און פארנעהמט די פאזיציעס, וועלכע די רומענער האבען פארלאזט. קיינע קאנפליקטען צווישען די ביידע צדדים קומען ניט פאר.

די אליאירטע מיסיעס באזוכען איצט דאס דאזיגע לאנד. ביז איצט האבען די רומענער ניט אריינגעלאזט אהין קיינע שלוחים פון די עלייעס. דאס לאנד איז ניט קולטיווירט און קיינע פיה זיינען ראט אינגאנצען ניטא. די רומענער האבען דאס אלעס צוגענומען.

דער קארעספאנדענט פון אן אמעריקאנער צייטונג האט באזוכט די אונגארישע דערפער, וועלכע האבען זיך געפונען אונטער דער מיליטערישער הערשאפט פון די רומענער. די איינוואוינער זעהען אוים קראנק און אויסגעהונגערט. די פרויען זענען פארגוואלדיגט געווארען פון די רומענישע סאלדאטען. אלץ וואס די פיינדליכע ארמיי האט נאר געקענט צוגעהמען איז צוגענומען געווארען. אלע געהען ארום נאקעט און באָרוועס.

אידישע ארבייטער פון פוילען ווערען ניט געשיקט קיין פראנקרייך.

דעם לאנדאנער „אידי. קאר. ביורא" איז מען מודיע פון ווארשא:

דא ווערען איצט רעגיסטרירט ארבייטער, וועלכע ווילען אפפאהרען קיין פראנקרייך כדי דארט צו ארבייטען. אין דער ביורא ווערען זיי אונטערזוכט דורך א פראנצויזישען דאקטאר, וועלכער זונדערט אוים די געזונדסטע און ארבייטספעהיגע כדי זיי שפעטער איבערצושיקען קיין פראנקרייך.

צווישען די מענגע ארבייטסלאזע וואס מעלדען זיך אין דער ביורא, געפינען זיך נאטירליך א סך אידען. די אטמאספערע איז אבער דארט אזעלכע, אז מיט די אידען איז מען שטארק מדקדק און בסך הכל 20 ביז 25 פראצענט ווערען אנערקענט אלס ארבייטס־פעהיגע.

עס איז אבער נאך נישט גענוג אנערקענט צו ווערען אלס ארבייטס־פעהיג כדי צו פאהרען קיין פראנקרייך. מען דארף פריהער צוזאמענשטעלען א צעטעל פון די וואס זענען קוואליפיצירט געווארען און דא פאנגט זיך אן די צרה. מען לאזט נישט צו קיין אידען.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

דעטראיטער קאונסיל האט פארזעהרט געבלאזטע אדווערטייזמענטס. וואס ווערט געהער זיך דאס אן מיט כשרות אין דעטראיט? — לייענט וועגען דעם דאס לייט ארטיקעל אין מארגענדיגען נומער „וועג".

באקענט זיך מיט דעם פוילישען נייעם אויסלאנדס מיניסטער, ס. פאטעק, וועגען וועלכען עס שרייבט אונזער מיטארבייטער א. אלמי אין מארגענדיגען נומער „וועג". אלמי קען דעם פוילישען מיניסטער נאך פון ד'החיים. אינטערעסאנט צו קענען דעם פארשוין.

ביי דער „כוגל מערבי" אזוי הייסט דאס ארטיקעל פון א געוועזענעם רעגיאנער ליסט, וועלכער באשרייבט זיינע ערפארונגען און זיינע איבערלעבונגען אלס לעגיאנער, ספעציעל - פאר'ן „וועג".

„ביי איין טיש מיט גרויסע מענשען" — אן ארטיקעל מכח ענגלאנד'ס דזשעניען באארביים .ספעציעל פאר'ן „וועג" פון אונזער מיטארבייטער א. סגיטקאווער.

דאנערשטאג ערשיינט אונזער פורים נומער מיט א ספעציעלער הומאריסטישער בילאגע און מיט „מגילת דעטראיט' פארפאסט ספעציעל פון אייערטוועגען פון א. סגיטקאווער, פון ר' ברוך'ל און פון ישראלי'ן מיט דער מיטהילף פון אנדערע הומאריסטען.

פארפעהלט נישט צו לייענען דאנערשטאג דעם „וועג'ס מגילה'.

צו אלע אידישע שרייבער אין דעטראיט.

א פארזאמלונג פון אידישע פען - קארלענען וועט אפגעהאלטען ווערען דאנערשטאג אווענט, 8 אזייגער ביי מר. י. ל. מאלאמוט, 741 אקלאנד עוו.

זעהר וויכטיגעס צו פארהאנדלען.

אלע זענען געלאדען.

האט איר ריעל עסטייט צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—און אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפע פאר דער העכסטער פרייז דורך די „צו פארקויפען" אדס פון „וועג".

Phone Main 3715

❧ אינטעליגענטען ❧

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

— עס איז מיין שולד! — האט ער איהר איינמאל אליין צוגעגעבען. איך האב די הויז פארנאכלעסיגט. די קינדער האבען זיך פארמאטערט. און ער האט איהר אנגעהויבען מאכען זיסע פארשפרעכונגען.

— דערפאר אבער, מרים, וועו דו וועסט געזונט ווערען, וועסטו זעהן ווי גוט איך וועל זיין. איך וועל זיצען אין הויז וועל אויפפאסען אויף די קינדער און וועל דיר ארויסהעלפען אין הויז, מיט וואס איך וועל קענען!

— שוין צייט! — האט זי געענטפערט און האט זיך אנגעשטרענגט צו ווייזען א פרעהליכע מינע — דו ביזט דאך שוין א טאטע פון אכט גרויסע קינדער — זי האט זיך באלד פארכאפט און האט מיט א וויינינער שטימע צוגעלעגט.

— איך בין אזוי צוגעוועהנט געווארען צו אכט קינדער, אז איך וועל שוין תמיד אנדערש ניט קענען ארויסרעדען.

נון, וואס וועט דיר העלפען דאס וויינען? — האט ער זי געטרייסט — וואס די ערד דעקט צו מוז פארגעסען ווערען. ווער נור אליין געזונד און זאלען שוין די איבריגע לאנג לעבען און געזונד זיין.

אין א שעהנעם פריהמארגען האט דער דאקטאר בלאך'ן אוועקגערופען אין א באזונדער צימער און ער האט איהם א זאג געגעבען.

— אייער פרוי איז ערנסט קראנק. זי מוז בייטען דעם קלימאט. זי איז שווינדזיכטיג!

ווען בלאך האט די דאזיגע ווערטער דערהערט, איז ער געבליבען זיצען א פארשטיינערטער. די אויגען פון קאפ האבען איהם ארויסגעשטארט. ער האט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דעם דאקטארס געזיכט.

— וואס טהו איך, ווי ראטעוועט מען זי, ווען אין הויז הערשט אזא נויט? — האט ער זיך צום ערשטען מאל אין לעבען פאר'ן דאקטאר פערטרויעט.

— איהר דארפט ניט פערצווייפלען!
— האט דער דאקטאר איהם געטרייסט
— עס זענען פאראן גענוג רייכע לייטע, וואס העלפען ארויס אין א פאל פון נויט.

ווי א צודולטער איז בלאך אומגעלאפען דעם גאנצען אבענד.

ער האט געוויינט און געבעטען פאר יעדען פון זיין בעקאנטען.

— עס איז אן אומגליק, א גרויס אומגליק! — האט ער געטענה'ט — איך מוז ראטעווען מיין פרוי און ווען ער האט אנגעטראפען דעם דוקטער הורוויץ האט ער זיך פאר איהם צעוויינט ווי פאר א ברודער.

— דו מוזט מיר העלפען ראטעווען מיין פרוי. זי איז שווינדזוכטיג. איך מוז איהר אוועקשיקען אזוי שנעל ווי נור מעגליך.

— אין קאלאראדא? — האט יענער איהם איבערגעפרעגט און האט טיעפער מיטגעפיהלט.

— אויב איך קריעג נור די געלד! — האט בלאך געענטפערט און זיין מינע איז געוועזען אזא פארצווייפעלטע, אז הורוויץ האט איהם געקוקט אין געזיכט און האט איהם ניט דערקענט. אזוי פערעלטערט האט ער אויסגעזעהן.

— וויפיעל געלד דארפסטו? — האט ער מיטגעזיפצט.

—איך דארף אזוי פיעל וויפיעל איך קען נור קריגען און ער האט איהם אנגעהויבען דערצעהלען די אמת'ע לאגע, וועלכע ער האט ביז יעצט געהאלטען בסוד.

— עס איז שוין אלעס פארזעצט פון הויז. איך בין שוין לאנג א רואינירטער.

— איך האב הונדערט מיט פינף און זיעבציג דאלאר און דאס וועל איך דיר מארגען געבען. איך האלט דאס ביי א פריינד.

בלאך האט איהם געקושט פאר פרייד.

— ברודער, דו וועסט דערראטעווען מיין גאנצע הויז. איך וועל דיך געדענקען, ביז אין מיין טויט אריין. —

איך מארגען גאנץ פריה האט הורוויץ געבראכט דאס געלד.

— אויב דיך פעהלט נאך, שוויג ניט! — האט ער איהם אנגעזאגט, איך וועל זיך בארגען און דיר געבען.

— דערוויילע דארף איך מעהר ניט, טהייערער! — האט ער געענטפערט.

ווען בלאך האט שוין געהאט אלעס איינגעארדענט צו מרים'ס אפפאהרען האט ער איהר א זאג געגעבען.

— מרים'ל, איך האב זיך דורכגערעדט וועגען דאקטאר און ער האט מיך געראטען אז דו זאלסט אפפאהרען אביסעל אויף בעסערע לופט, אויף א ראטשע.

— עס איז שוין מן הסתם גרויסע צרות מיט מיר, ווען מען דארף מיך שוין שיקען אויף א ראטשע! — האט זי זיך אויפגעזעצט און זיך צעוויינט.

איהר פנים איז געווען געל ווי א וואקס. בלויז ערטערווייז האט זיך גע-

— מערקט אויף'ן געזיכט, א פיעבערישער רויטער פלעק. ער האט זי געגלעט און אום זי צו בארוהיגען האט ער געענטפערט.

— דו ביסט שוואך, דו מוזט זיך אויכרוהען, לעבען נארמאל, שפאציערען א סך און דער עיקר זיין רוהיג. דא אין הויז מיט די קינדער, וועט עס דיר ניט מעגליך זיין. דעריבער וועסטו בעסער אפפאהרען אויף א שטיקעל צייט. דו וועסט זיך אויסרוהען און צוריק קומען א געזונטע, צו מיר און צו די קינדער.

— אבער ווי וועל איך קענען איינזיצען רוהיג, ווען איך וועל די קינדער ניט זעהען? — האט זי זיך ביטער צעוויינט — ווי קען דאס א מוטער טראכטען וועגען איהר אייגענעם געזונד, ווען זי האט קינדער אויפצופאסען?

— מרים, עס איז קיין תירוץ ניט!
— האט ער ווייטער גע'טענה'ט — דו האסט יאהרען לאנג זיך מפקיר געווען פאר די קינדער, יעצט מוזטו זיך אליין אפהיטען. פאר די קינדער וועל איך שוין זארגען — האט ער זי פארזיכערט.

דעם טאג וואס מרים איז אפגעפאהרען האט ניט נור בלאך מיט איהרע קינדער געוויינט, נור די גאנצע גאס, זי האט געקושט יעדעס קינד, האט זיך איהרע אויגען אויסגעוויינט און בלאך האט זי באגלייטעט א פאר סטאנציעס ארויס פון שטאדט און א דערשלאגענער מיט א געבראכען געמיטה האט ער זיך צוריקגעקעהרט צו די קינדער. ער איז אומגעגאנגען גאנצע טעג און האט געזוכט באשעפטיגונג און דורך די נעכט איז ער פון הויז ניט ארויס, איז כסדר געזעסען מיט די קינדער. ער האט זיי דערצעהלט, ווי גוט עס וועט זיין, ווען די מאמע וועט אהיים קומען און עס וועלען אויך פאראיבער די שלעכטע צייטען.

קאפיטעל י"ה
יתומים

פון מרים'ן האט ער די ערשטע צייט בעקומען בריעף. זי האט געשריבען, אז זי בעסערט זיך אין געזונד, די לופט דארט — פלעגט זי שרייבען, איז זעהר טריקען און גוט. — די לאנדשאפטען ווונדערשעהן. נור דאס וואס זי איז אפגעריסען פון די קינדער האט זי ניט געלאזט רוהען — מיין הארץ ווערט צערגאנגען איים בענקשאפט צו די קינדער.

ער פלעגט איהר תמיד ענטפערען דעם זעלבען טאג און האט זי געבעטען זי זאל זיך ניט בעאונרוהיגען וועגען די קינדער.

זיי זענען אלע געזונד און איך פאס אויף אויף זיי — האט ער איהר תמיד געשריבען.

ווען ער האט שוין ווידער אנגעהויבען פערדיענען, איז ער געוועזען איבערגליקליך. יעדע וואך האט ער איהר געשיקט עטליכע דאלאר און צו די קינדער האט ער אריינגענומען א דיענסט.

— ווען זי זאל נאר געזונד זיין און אהיים קומען — האט ער געהאפט — דאן וואלט זיך אלעס ווידער איינגעארדענט, און בסדר האט ער נור וועגען איהר געטראכט. ער פלעגט זיך אליין בעשולדיגען אין געראנק, ווארום ער האט אלע יאהרען אזוי ווינציג זיך אינטערעסירט מיט איהר און האט זיך פארגענומען צו זארגען פאר איהר און העלפען ערציהען די קינדער, אזוי שנעל ווי זי וועט צוריקקעהרען.

גרענד טשאריטי
באל
ווערט געגעבען ביי די
לײדיעס פון דעטראיט
שבת אווענט דעם 6ען מארטש אין שרייבערס האלל.
הייסטינגס קאר. אוירסקין
דיעדער באלל ווערט געגעבען אום ארויסצוהעלפען א פרוי מיט זעקס קינדער פון א הונגער טויט, עס איז איבעריג אייך צו בעטען, דער צוועק-רעדט פאר זיך אליין.
קאהן יוניאן ארקעסטער האט דאנייטעד די מוזיק פאר דיזען אווענט.
טיקעטס 35 סענט

MOE EHRLICH
WATCHES DIAMONDS JEWELRY
AND SILVER WARE

ניט אלע טאג איז פורים!

און ביי אייער פרוי, ביי אייער כלה, ביי אייערע קינדער וועט זיין שטארק אנגעלעגט, ווען איהר וועט זיי פרעזענטירען מיט א

שלח מנות.

געקויפט אין מאע עהרליך'ס דזשולערי סטאר, וואו דער גאנצער סטאק איז צוזאמענגעשטעלט מיט אזוי פיעל פראכט און גלאנץ מיט אזוי פיעל געשמאק און אין דער זעלבער צייט וועט איהר שפארען געלט. ווייל עהרליכ'ס פרייזען און באדינגונגען זענען די בעסטע אין גאנץ דעטראיט.

ער גרעסטער האלסייל און ריטייל דזשולערי געשעפט אויף דער איסט סייד.

„עהרליך: בעהאנדעלט"

— צו אלע —

לעבאוויטשער לאנדסלייט

א רעליעף מאססמיטינג

אין ווילקינס סט. תלמוד תורה

וועט אפגעהאלטען ווערען

מיט'ן צוועק צו ארגאניזירען אלע לאנדסלייט אין דעטראיט

א ניויארקער פארטרעטער

געפינט זיך איצט אין שטאדט און וועט אדרעסירען די לאנדסלייט.

צווישען דער קאמיטע וואס ארגאניזירען די רעליעף פון די לעבאוויטשער געפינט זיך מר. ה. ראבינסאן, פון די ראבינסאן און קאהען, זעליג בראס, און מעהרערע פראמינענטע דעטראיטער אידען.

קומט אלע, לאמיר זעהען וואס מיר קענען טאן פאר אונזערע שוועסטער און ברידער אין אונזער געבורטסשטאדט.

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניען, יוגא-סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט.

פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דזשענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

געגענאיבער דער הויפט אפיס. אפען טעגליך פון 8 ביז 5, שבת ביז 3 נ. מ.

איבער אלעס



געמאכט פון ריינעם האוואנא

יעדער מאן רויכערט דאס

Panama Cigar Mf'rs, Makers

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דעטראיטער כשר האספיטאל דארף באלד געב[...]ט ווערען

דאס געכטיגע לייט־ארטיקעל [...]ענען פאר א הקדמה צו דעם היינטיגען ארטיקעל, אדער צו דער [...]ריהע ארטיקלען וואס מיר האבען בדעה צו דרוקען איבער דיזען פלאן מכח די דעטראיטער אידישע אינסטיטוציעס. וואס מיר האבען שוין דא און מכח די פיעלע, וואס פעהלען ביי אונז אדער די וואס האלטען זיך אין בויען זיים יאהרען, און וועלכע מען גייסט זיך און וועלכע, גאס ווייסט נאר וואס פאר אן אורזאכען, זיי זיינען ביז איצט געבליבען עקזיסטירען — אויף פאפיר.

מיר ווילען ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די לעזער אויף דעם באריכט, וואס ווערט געדרוקט אויף אן אנדער פלאץ אין דיזען נומער פון דער ,,העברו האספיטאל אסאסיאיישאן״.

די דאזיגע ,,אסאסיאיישאן״ איז שוין אלט און אכט יאהר, זאגט מען אונז.

אבער מעהר ווי פאפירענע טעטיגקייט זעהט מען נישט פון איהר.

און ווען עס זאל אונז ערלויבט זיין וואלטען מיר דאס היינטיגע לייט־ארטיקעל איבערגעשיקט אין אן אפענעם בריעף צו דער ,,באארד אף דירעקטארס״ פון דיזער ארגאניזאציע, און מיר וואלטען זיי געפרעגט וואס האט איהר אין די אכט יאהר פון אייער עקזיסטענץ אויפגעטאן?

אין דעם באריכט זאגט זיך, אז מאן און פרוי, צו וועמען מען ווענדט זיך, האט נאך קיינער זיך נישט ענטזאגט פון צו ווערען א מיטגליעד פון דער ארגאניזאציע.

און ווען דיזע פאאר שורות זאלען אפילו אינם באריכט נישט שטעהן, וואלטען מיר אויך געוואוסט אז אין אזא צענטער ווי דעטראיט וועט קיין שום מאן אדער פרוי נישט קארגען די דריי אדער צעהן דאלאר א יאהר אויף צו ווערען א מיטגליעד אין אן ארגאניזאציע, וואס נעהמט זיך אונטער אזא וויכטיגע און נאטעלע טאט, ווי אויפבויען א אידישען שפיטאל.

און נאך שפעטער: ווען עס קומט צו אונז אימיצער און זאגט אונז אז מען קען אין דעטראיט נישט מאכען קיין מיטגליעדער פאר אזא וויכטיגער ארגאניזאציע, וואלטען מיר איהם נישט געגלויבט.

און איבערהויפט איצט.

איצט, ווען מיר דארפען זיך ריכטען אז סוף כל סוף, וועט זיך דער פארשלאסענער אימיגראציאנס טויער אויפשליסען און אונזערע פארפאלגטע קרובים און חברים פון יענער זייט ים וועלען קומען צו אונז. און עס ליגט דערום אויף אונז א חוב פון איצט אן צו שאפען אלע יענע אינסטיטוציעס, וועלכע עס וועט זיי אויסקומען צו באנוצען אין פאל פון א נויט.

איצט, ווען אין דעטראיט, מיר מיינען אין דעם אידישען דעטראיט לעבט זיך בשפע; ווען מען איז מיכולת צו שאפען און העלפען שאפען די נויטיגע אינסטיטוציעס.

טא וואָרום זשע שטעהט ,,די היברו האספיטאל אסאסיאיישאן״ אויף איין פלאץ און באוועגט זיך נישט מיט ממשות'דיגע ארבייט?

אכט יאהר איז אלט די דאזיגע ארגאניזאציע.

און מעג זי אלט זיין צעהן מאהל מעהר, וועט זי ווייט/נישט אוועקגיין, אויב זי וועט נישט ווייזען קיין מעשים, מעשים ממש.

עס איז אויפגעשטעלט געווארען דא א בית יתומים מיט ערפאלג, נאר דערפאר וואס די ארגאניזאציע, וואס האט זיך מיט דיזער אינסטיטוציע מתעסק געווען, האט זיך ווייניג מפלפל געווען און געטאן ארבייט. אויף וועלכע מען האט געקענט אנווייזען, אז אט איז א בנין, און אויף דעם דאזיגען בנין פאדערט זיך שטיצע.

מיר מיינען דערמיט צו זאגען, אז כל זמן דאס פלאץ, דער לאט וועט שטעהן נאקעט, כל זמן דער עולם וועט נישט זעהן קיין ציגעל און קיין לייט און קיין מליערס און קיין סטאליארעס וועט די ארבייט אנגעהן נאכלעסיג, די געלדער וועלען אריינקומען אין קאסע, ווי פעך געצויגען פון אן איבערבעם.

און לאזט אונז שוין אויך זאגען, אז די טויער פון דעם שפיטאל דעקען נאר אז עס וואלט פיעל גלייכער געווען איינצוגעבען דעם פלאן פון בויען א שפיטאל אויף דעם געקויפטען לאט. ווייל ער שטעהט אין א געדיכט באזעצטען געגענד. עס וואלט — דענקען זיי — גלייכער געווען צו פארקויפען דאס פלאץ און פאר דעם געלד, וואס זיי קענען איצט באקומען פאר דעם לאט, קענען זיי א גרעסער שטיק לאנד קויפען אויסערן שטאדט און עס זאל נאך קלעקען א געניגענדע סומע אויף א התחלת הבנין.

וואָרום זשע ווערט דאס נישט געטאן?

איז דען נישט איבעריג אפילו איין טראפען טינט צו פארליערען אום צו איבערצייגען דאס וויכטיגקייט פון א כשר'ן שפיטאל אין אזא גרויסען אידישען צענטער, ווי דעטראיט איז געווארען אין די לעצטע פאר יאהר?

איז דען נישט איבעריג ארויסצוקומען אצינד מיט א בקשה צו די היגע אידען, אז זיי זאלען שטיצען אזא נייטווענדיגע אונטערנעהמונג?

עס איז באקאנט, אז די דערמאנטע שפיטאל ארגאניזאציע האט מפני כמה טעמים, וואס זיינען גוט באוואוסט, נישט געקענט זיין אזוי טעטיג אין די מלחמה יאהרען; על כל פנים ציהען די דירעקטארען אליין צו, אז פון יאהר 1916 איז כמעט גארנישט געטאן געווארען ביז די לעצטע פאר חדשים.

איז עס דערום אונזער עצה, אז דאס דירעקטאריום זאל אויף איינעם פון איהרע נעקסטע מיטינגען אננעהמען א באשלוס פון באלדיגער ממשות'דיגער טעטיגקייט. מיר מיינען דערמיט פשוט א טעטיגקייט פון לייט און ציעגעל, מליארעס און סטאליארעס. און ווען זיי וועלען אזא התחלה מאכען, זאלען זיי דאן ארויסקומען צו די דעטראיטער אידען מיט אן אויפרוף פאר שטיצע און אט וועלען זיי דעמאלט ערשט דערזעהן ווי וואָרים עס וועט לען זיך אפרופען די היגע אידען.

וואָרים מיר זיינען זיכער אז ווען דער עולם זעהט אן ערנסטע טעטיגקייט, הייבט ער זיך אן ערנסט אן אויפריכטיג.

עס פארשטעהט זיך אז מיר וועלען גערן אפגעבען פלאץ פאר די דירעקטארען און זייער פרעזידענט פאר אן ערקלעהרונג וואָרום זיי קענען אונזער אויפפאדערונג נישט נאכקומען.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן ,,וועג״)

קאלט

פעריו, דער בארימטער רייזענדער פון קאלטע לענדער און אנטדעקער פון נארד־פאל, איז לעצטע וואך געשטארבען אין וואשינגטאן.

עס איז צו האפען, אז די מענשהייט וועט נישט בלייבען קאלט צום טויט פון דעם רייזענדען פון קאלטע לענדער...

* * *

א נייער באלשעוויק

לענין האט ,,דראטלאו״, ערקלעהרט פאר א קארעספאנדענט, אז די באלשעוויקעס זענען העכסט צופרידען פון די רעוואלוציאנערען, וואס אמעריקא שיקט זיי ארויס.

אזא נעפעהרליך לאנד, אמעריקא! טאמער האבען די באלשעוויקעס ווייניג קרעפטען, שיקט אמעריקא זיי צו נאך קרעפטען — צו פארשטארקען די באלשעוויסטישע רייהען.

נישט אנדערש, אז סענאטאר לוסק איז א באהאלטענער באלשעוויק.

* * *

גייסטיגע בהמות

סער אליווער לאדוש האט אין איין זיינער א לעקטשור איבער ספיריטואליזם ערקלעהרט, אז אויך בהמות און אינזעקטען זענען אומשטערבליך.

איצט וועט מען אויך קענען זאגען: ,,דאס אומשטערבליכע פערד״, ,,דער אומשטערבליכער אקס״, אדער ,,דער אומשטערבליכער פיפערנאטער״.

* * *

אן עצה די באלשעוויקעס

די באלשעוויסטישע רעגירונג אין רוסלאנד האט, לויט א מעלדונג פון קאפענהאגען, שטרענג פארבאטען צו שפילען אין קארטען, אפילו אין פריוואטע וואוינונגען.

קיין וואונדער נישט: אין קארטען איז אך פאראן א ,,מלך״ מיט א ,,מלכה״ — אט ווי קענען די באלשעוויקעס דאס דולדען?

אבער — זיי האבען דאך געקענט אן עצה זיך געבען: אנשטאט א מלך מיט א מלכה, האבען זיי געקענט איינפיהרען אין דער קארטען־שפיעל א ,,פאלקס־קאמיסאר״ מיט א פאלקס־קאמיסארשע״...

* * *

מ'דארף איהם נאכמאל

לאנסינג, דערצעהלט ראובן פינק, איז געווען אן אנטיסעמיט און א געגנער פון א אידענשטאט אין ארץ־ישראל. און איינמאל האט ער געשריבען ווילסאן'ען אז די קריסטליכע וועלט וועט נישט דולדען, אז מ'זאל פאלעסטינא אוועקגעבען דעם פאלק, וואס האט געקרייציגט יעזוס קריסטוס'ן.

אויב אזוי, וואלטען מיר געוואונשען, אז ווילסאן זאל איהם צוריק אריינגעהמען אין קאבינעט — כדי איהם צו קענען נאכאמאל ארויסווארפען...

* * *

וואו קומען זיי טאקע אהין?

קאנאן דאיל, דער שרייבער פון די דעטעקטיוו־געשיכטען און ספיריטואליסט, האט ערקלעהרט, אז אויף יענער וועלט זענען נישטא קיין אלטע מיידלעך.

פרעגט זיך: וואו קומען אהין אלע אלטע מיידלעך, וואס שטארבען — נאך א זתן?

* * *

א נייע השערה

א פראפעסאר — אוי, די פראפעסארען — איז ארויסגעקומען מיט אן ערקלעהרונג, אז די אינפלוענציע האבען מיר איבערגענומען פון אנדערע פלאנעטען.

גאנץ נאטירליך: אז מ'זיצט אין א ווינטערדיגער נאכט מיט א געליעבטער אונטער'ן פרייען הימעל און מ'קוקט צו די שטערען, קען מען גאנץ לייכט כאפען די אינפלוענציע...

* * *

נישט מוזיקאליש

א נייער קלאנג האט זיך פארשפרייט — דאס מאל אין רוים — אז לענין איז ערמארדעט געווארען.

דער לענין איז גארנישט מוזיקאליש: ער הערט אזוי פיעל קלאנגען וועגען זיין טויט, און ער — ס'זאל איהם עפעס א ריהר טאן.

* * *

דעם ווינטער'ס זכיה

אין ירושלים איז אויסגעפאלען א שניי אויף 39 אינטשעס די הויך. דאס איז דארטען אן איבערראשענדע נייעס.

דער פאעט פון אונזער רעדאקציע באמערקט אויף דעם: דער ווינטער האט געטענה'ט פאר'ן רבונו של עולם: אלע מענען קומען קיין ארץ ישראל, דער פריהלינג, דער זומער, דער רעגען, דער האגעל, נאר אויך דער ווינטער האב נישט די זכיה צו זיין אמאל אין היילינגען לאנד.

פון הימעל איז דאן געקומען אן ערלויבעניש אז דער ווינטער זאל מאכען א וויזיט אין ארץ ישראל און דער ווינטער האט נישט לאנג געווארט און מיט זיינע שניי ליפען צוגעפאלען צו דער ארץ ישראל ערד.

ווי געפעלט אייך אונזער פאעט'ס פאנטאזיע?..

* * *

וואס ארט עס איהם?

קלעמאנסא איז נאך אלין פאר דעם אנצופיהרען דעם קאמף געגען די באלשעוויקעס, ווי עס ווערט געמעלדעט, זאל ער האבען געזאגט אז די באלשעוויקעס קענען באקעמפט ווערען מיט דער פוילישער ארמיי.

מען מוז צוגעבען אז דער ציינלאזער ,,טיגער״ איז דער גרעסטער וועלט דעמאקראט, ער איז באריט צו קעמפען פאר דער וועלט דעמאקראטיע ביז צום לעצטען פאליאק...

* * *

איסשיסען און אויסשליסען

גענעראל בליס האט רעדענדיג וועגען רוסלאנד ערקלעהרט אז קיין אידען קאן מען נישט אויסשיסען.

די דיפלאמאטען פון דער ניו־יארקער אסעמבלי ווי עס שיינט דענקען אז אויסשליסען אן אידען קאן מען יא.

* * *

מיר פארגינען איהם

מארשאל פאש — זאגט מען — איז איצט אין ווארשא, ער איז אוועק אהין צו ארגאניזירען די פוילישע ארמעע פאר א קאמף געגען די באלשעוויקעס.

עס קומט דעם פראנצויזישען פעלד־מארשאל א יישר כח, זאל ער מאכען פון [...]לען אזא שטארקע מיליטערישע מאכט, אז זי זאל שפעטער זיך פיהלען בכח צו ארויסגעהן אין קריעג געגען דער גאנצער וועלט, פונקט ווי דייטשלאנד האט עס געטאן...

* * *

א סוד

א פיער און צוואנציג יעהריגע מיידעל האט געהייראטעט פיער מענער.

טויזענדער מיידלאך וואלטען וועלען דערגעהן דעם סוד פון איהר קונסט.

* * *

ווי קומט עס?

מיר האבען שוין געהערט א סך אישום פון די קאנדידאטען צו דער פרעזידענשעל נאמינעישאן, נאר אז איינער פון זיי זאל מאכען דעם יקרות פאר אן אישו הערט מען עפעס נישט.

וואס'י די מעשה?

* * *

היט די פאקעטס

מעיאר קאוזענס האט שוין באשטעטיגט אז אין דעטראיט זיינען נישטא קיין גנבים.

נו, איצט מעגט איהר שוין זיכער זיצען אין הויז מיט א רעוואלווער אין האנד באלד ווי ס'פארנעהט די זונען און אז איהר געהט אין גאס, היט די פאקעטס!

,,הזמרה״

פון ישראל ראבינאוויטש
ספעציעל פאר'ן ,,וועג״

דורכפאהרענדיג פאראכטאגען זונטאג מאנטרעאל, קאנאדא, האב איך געהאט די געלעגענהייט צו הערען דעם ,,זמרה״ אנסאמבל, וועלכער פאהרט יעצט ארום איבער דער גאנצער וועלט מיט א מין ,,אפאסטאלישער״ מיסיאן צו באשאפען א סענטימענט פאר אן אייגנארטיג־אידישער מוזיק.

און אזוי ווי דער דאזיגער אנסאמבל וועט אויך זיין דא אין דעטראיט דעם 7־טען מערץ, וועט עס דארום זיין נאגין צייטמעסיג איבערצוגעבען מיין פערזענליכען איינדרוק און די אלגעמיינע שטימונג וואס דער ,,זמרה״־קאנצערט האט געשאפען אויף די אידישע צוהערער פון מאנטרעאל.

איבערעפאקט איז געווען דער ,,היז מעדזשעסטי'ס״ טעאטער. אידען פון ,,אפטאון״ און ,,דאונטאון״, יונג און אלט, פארביסענע ראדיקאלען און פאנאטישע שוהל־אידען — אלע זיינען געקומען הערען דעם ,,קול מבשר״; געקומען באגעגנען די ערשטע שוואלב פון א מוזיקאלישען ,,יציאת מצרים״ ביים אידישען פאלק.

דאס אידישע פאלק איז אין גלות; די אידישע תורה, אדער בעסער געזאגט, די אידישע קולטור איז אין גלות. אבער פיעל ערגער ווי גלות דארף זיין דער גיהנום, אין ד'ארטען איז די אידישע מוזיק...

און אפשר דארטען אויך ניט?.. איז דען דא אזא זאך ווי א אידישע מוזיק?

אייבען אויף קען דער דאזיגער ספק אויסקומען ניט בארעכטיגט. מען קען עס גלייך פארענטפערען מיט'ן אלטען תירוץ, אז — מוזיק איז דער אויסדרוק פון די שעהנסטע מענשליכע געפיהלען. די אומדעפיניטיווע ,,שפראך פון דער נשמה״. איז ממה נפשך, זיינען אידען א פאלק מיט כאראקטעריסטיש־אייגנארטיגע נאציאנאלע שטריכען, דאן מוזען זיי דאך שוין במילא באזיצען אן אייגנארטיגען מוזיק־קוואל.

דאס איז אן עלעמענטארער אמת וואס קען ניט אפגעלייקענט ווערען. נאך מעהר: איך אליין גלויב באמונה שלמה, צוזאמען מיט אלע ,,אתה בחרתנו״־אידען, אז דער אידישער מוזיק־קוואל איז פיעל טיעפער און אומדערשעפליכער ווי אלע אנדערע קוואלען, אבער אין דער זעלבער צייט בין איך אויך איבערצייגט, אז אום צו קענען געניסען פון א געשמאקען קוואל, דארף מען גראבען און קולטיווירען קאנאלען, וואס זאלען פליסען ווייט און ברייט — אלעמען דערקוויקען און דאך האבען אלס מיטעל־פונקט דעם הויפט־קוואל...

אבער ניט אזוי איז ליידער מיט דער אידישער מוזיק. פון דעם אידישען קוואל איז געווארען א קאלוזשע, וואס האט זיך צעפלאסען — אהן א שום באלעבאטישען סדר — איבער יעדען גלות־ווינקעל; זיך ,,צונויפגעוואסערט״ מיט פרעמדע קאנאלען, וואס פליסען פון פרעמדע קוואלען און — דער רעזולטאט איז: מענדעלסאן איז א דייטש, מייערבער — א פראנצויז; רובינשטיין — א רוס; עלמאן — א רוסישער ווירטואז און יאשא חפץ — א ,,ראשען דזשיניוס״...

צו אונזער קרעדיט רעכענט מען בלויז צו די פעדלערס, וואס שרייען: ,,רענס״, ,,באטלס״ און די באלשעוויקעס, וועלכע זיינען שונאים פון דעמאקראטיע און פון דער מערב אייראפעאישער קולטור...

* * *

דאס אידישע פאלק לעבט יעצט דורך א רענעסאנס. ביסלעכווייז באשאפט זיך צווישען די ברייטע מאסען, אזוי גוט ווי ביי דער אינטעליגענץ, דאס, וואס דר. זשיטלאווסקי, רופט אן ,,א געזונטער נאציאנאלער ווילען״, — א ווילען זיך צו באפרייען הן פון פיזישער און הן פון גייסטיגער שקלאפעריי.

די בעסטע קינדער פון פאלק האבען דערפיהלט דאס אחריות פון דער צייט און ביסלעכווייז קומען זיי צוריק מיט זייער אידעאליסטישען ווילען און פעהיגקייט אויפצובויען דעם לאנג צעפאלענעם נאציאנאלען בנין פון אידישען פאלק.

די 6 יונגע לייט פון דעם ,,זמרה״־אנסאמבל דארפען דארום באטראכט ווערען אלס די טרובאדורען פון אונזער רענעסאנס פעריאדע... זיי קענען פארגליכען ווערען צו די מיטעל־אלטערליכע ענטוזיאסטען פון פלארענץ, וועלכע האבען געלעגט דעם פונדאמענט פאר דער מאדערנער אפערא. א דאנק דעם, וואס זיי האבען זיך אונטערגענומען אויפצולעבען די אלט־גריכישע מוזיק־דראמא.

יעדער איינער פון דעם ,,זמרה״ [...] איז אן ארטיסט אין פולען זין פון ווארט. פיעלייכט איז ניט יעדער פון זיי אזא ווירטואז ווי זייער פיאניסט בערדיטשעווסקי וועלכער צייגט ארויס א מערקווירדיגע טעכניק און וואונדערפולען סטיל אבער ארטיסטען זיינען זיי אלע. זיי האבען געשפיעלט דעם טשייקאווסקי־קווארטעט און רע מינאר, אפוס 11 מיט אן אמת קינסטלערישער אויפפאסונג. די באריהמטע ,,אנדאנטע קאנטאבילע״ (פון דעם זעלבען קווארטעט) ווערט דורך דעם ,,זמרה״־קינסטלער אויסגעטייטשט מיט דעם גאנצען מעלאדישען לירהזם, וואס די דאזיגע מערקווירדיגע קאמפאזיציע ענטהאלט.

מיט דעם טשייקאווסקי־קווארטעט, וועלכער איז געווען דער ערשטער אויף'ן פראגראם אויף זייער קאנצערט וועלכען איך האב בייגעוואוינט, האבען זיי באוויזען, אז זיי קענען פונקט אזא ערפאלג (אויב ניט נאך א גרעסערען) מאכען מיט קלאסישע מוזיק.

זיי האבען אבער געהאט אויף דעם פראגראם א פאר זעלטען שעהנע אידישע נומערען ווי א אידישע ראפסאדיע פון אלסבערג, ,,כל נדרי״, פאר א סיקסטעט, אראנזשירט פון דעם אידיש־רוסישען מוזיקער גורוויטש ,,עלי ציון״ פון צייטלין און א פאר כאראקטעריסטישע פאלקס־מעלאדען.

אויף ווי ווייט די באגייסטערונג פון עולם האט דערגרייכט, אויף יענעם קאנצערט, קען דיענען דער פאלגענדער אינצידענט:

געגענאיבער מיר איז געזעסען אן עלטערער איד פון א יאהר זעבעציג, מיט א שנעע־ווייסער בארד, שטעלטעסיגע פאות און אין א יארמולקע, און נעבען איס איז געזעסען א אינגעל פון א יאהר 16 — קענטיג אן אייניקעל.

ווען זיי האבען אפגעשפיעלט ,,כל נדרי״ איז געקומען א דונער פון אפלאדיסמענטען מען האט זיי אפשר 6 מאל ארויסגערופען דאס אינגעל, וואס איז געזעסען נעבען אלטען, איז געווען איינער פון די סאמע באגייסטערטע אפלאדירער, א דאנק דעם וואס דער אלטער האט איהם געהאלטען אין איין אויפמונטערען: פאטש נאך! .. פאטש זאלען זיי שפיעלען נאך..

עס פאסט ניט פאר אן אלטען אידען אליין צו פאטשען, — דאס שמעקט מיט קונדס'עריי, האט ער ווייזט אויס, געוואלט אז דאס אייניקעל זאל שוין אויך אפטאן דעם טייל קונדס'עריי, וואס ער אליין שעהמט זיך צו טאן..

געערגט איז געווען יענער זיידע: מ'דארף פאטשען, וואס מעהר פאטשען לכבוד די זמרה־קינסטלער און זיי אויפמונטערען פארטצוזעצען ערפאלגרייך זייער אפאסטאלישען מארש צו'ם אלט־נייעם אידישען מוזיק־קוואל.

דעטראיטער שפיגעל

פון הרואה ואינו נראה
(ספעציעל פאר'ן ,,וועג״)

אמת'ע מעשיות, טרויעריגע און קאם ישע פאסירט אין דעטראיט'ער אידישען קווארטאל

ויברח און...

דאס, וואס איך געה אייך איצט דערצעהלען, איז ממש ווי א געשיכטע פון טויזענד און איין נאכט. און ווען איהר לעזט די מעשה אין א ראמאן אדער זעהט עס אויף דער ביהנע, וואלט איהר ניט געגלייבט. אז אזא זאך קען פאסירען אין דער ווירקליכקייט אין א גרויסער מאדערנער שטאדט.

נאר דער רואה ואינו נראה איז קיין פאעט נישט און ער האט פיינט צו פאנטאזירען. דאס וואס ער דערצעהלט איז גענומען פון לעבען. אין לעבען פאסירט אפט זאכען, וואס אפילו די פאנטאזיע פון א ראמאניסט אדער דראמאטורג קען נישט אויסטראכטען.

עס איז א טראגי־קאמעדיע און איך וועל דערוויל נישט אנרופען קיין אמת'ע נעמען און נישט אנגעבען קיין אדרעסען, כדי נישט צו פארשעהמען די פערזאנען, וועלכע האבען שוין גענוג חרפה געליטען.

און איצט צום עיקר המעשה:

אין איינע פון די דעטראיט'ער אידישע גאסען, וואס איז בארעקט מיט לויטער קליינע פריוואט־הייזלעך, וואוינען צוויי באפריינדעטע אידישע פאמיליעס. איך וויל זיי רופען ראובן'זאהן און שמעון'זאהן. די פאמיליע שמעון'זאהן וואוינט אין נומער 112 און די פאמיליע ראובן'זאהן אין 114.

די פאמיליע ראובן'זאהן האט געהאט 2 זיהן אויסגעגעבען, א פיינער בחור, א שעהנער, א געראטענער און א פארדינער. זיין נאמען וועלען מיר זאגען איז מענדעל.

און די פאמיליע שמעון'זאהן האט געהאט א טאכטער אויסצוגעבען א פיין מיידעל, א שעהנע, א געראטענע און א גוטע הויזווירטין. מיר וועלען זי רופען גנענדעל.

איז דאך גוט, האָ? און איהר מיינט אודאי, אז אזוי ווי זיי זיינען אזעלכע נאהענטע שכנים און ביידע זיינען שעהנע און פיינע און ביידע זיינען ,,אויסגעגעבען״ — איז געווארען א שידוך; ס'הייסט אז מענדעל האט זיך פארליעבט אין גנענדעל און גנענדעל אין מענדעל.

האט איהר, במחילה, א טעות. פארליעבט האבען זיי זיך, טאקע ביידע, אבער נישט מענדעל אין גנענדעל און נישט גנענדעל אין מענדעל. מענדעל האט זיך פארליעבט אין א מיידעל נאך פון אן אנדער טייל שטאדט און גנענדעל האט זיך פארליעבט אין א בחור פון א צוואנציג נאמען ווייטער.

אבער אפט פלעגט מען פארברענגען צוזאמען. גנענדעל מיט איהר חתן און מענדעל מיט זיין כלה פלעגען זיך צונויפטרעפען אדער אין ראובן'זאהנס אדער אין שמעון'זאהנס הויז, אין ס'איז געווען זעהר לוסטיג.

זיינען אזוי געגאנגען טעג מיט וואכען און וואכען מיט טעג ביז מ'האט באשלאסען מיט מזל און מיט גליק צו שרייבען תנאים. און צו צופעליג, צי אפגערעדט אזוי, זיינען ביידע תנאים'ס אויסגעפאלען אויף איין דאטום. עס'הייסט, אז מענדעל מיט זיין כלה און גנענדעל מיט איהר חתן האבען תנאים געשריבען אין איין אווענט.

איז עס לייטען געפעלען און מ'האט באשלאסען, אז אויך די חתונות זאלען פארקומען אין איין נאכט. פארוואס נישט? אדרבא, ס'וועט זיין פרעהליכער.

אין עטליכע וואכען שפעטער איז געפראוועט געווארען חתונה. נו, איז געווען לעבעדיג. אין הויז 112, וואו עס וואוינט די פאמיליע שמעון'זאהן, איז געווען געפאקט מיט געסט און אין הויז נומער 114, וואו עס וואוינט די פאמיליע ראובן'זאהן איז אויך געווען ,,ליהודים״.

אין הויז 112 האט געווארט אן אויסגעפוצטע כלה אויף איהר חתן און אין הויז 114 האט מען זיך געגרייט אוועקצופיהרען אן אויסגעפוצטען חתן צו זיין כלה אין הויז אריין וואו די חתונה צערעמאניע דארף געפראוועט ווערען.

בקיצור — מענדעלען האט מען אוועקגעפיהרט און — גנענדעל? גנענדעל וואלט באלד ווערט איהר חתן קומען. נעהט אבער שעה נאך שעה און דער חתן איז נישטא. ווערט מען אומרוהיג. דער כלה'ס פנים בלאס ווי ביי א מת, די געסט שושקען זיך, מ'רעדט. שיקט מען שלוחים צום חתן — לאזט זיך אויס, אז דער בחור איז ערגעץ נעלם געווארען. נישטא איהם.

שטעלט זיך אליין פאר דער כלה'ס הארץ! אבער שא! — וואס איז אין דרויסען? קומט ער? יא. ער קומט. דער חתן קומט. — גאר וועה! נישט גנענדעל'ס חתן, ס'איז מענדעל דעם קאפ געבאך אראפגעלאזט, ווי און אבל פשוט.

וואס איז מענדעל? אוי, שרעקליך. געקומען צו דער כלה אין הויז אריין ערשט די כלה איז נישטא. ערגעץ פארפאלען געווארען. אומזיסט געווארט שטונדען־לאנג.

ווער נאך קען אזוי פיהלען מענדעל'ס הארץ, ווי גנענדעל? און ווער קען אזוי פיהלען גנענדעל'ס הארץ ווי מענדעל?

זיצען ביידע און זיפצען. און זיפצענדיג ווערט ביי ביידען געבוירען א מאדנער געדאנק און — הערט א נעשיכטע: מענדעל און גנענדעל זיינען ארונטער אונטער'ן חופה און חתונה געהאט. שוין איינמאהל געווען א שמחה.

זאגט אליין איז עס ניט א זווג פון זיין ליעבען נאמען?

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז מענדעל'ס כלה און גנענדעל'ס חתן האבען שוין לאנג, געוואָרפען אויגען איינע אויף די אנדערע און אין געהיים געפירט א ליעבע און אין דעם טאג פון דער חתונה זיינען ביידע אוועק קיין שיקאגא און — חתונה געהאט.

א אידישע נוירסערי נעגרינדעט

ווערטהער רעדאקטאר פון ,,וועג״

אזוי ווי איך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געווען די גרינדערס פון דעם בית יתומים, יעצט שטעהט שוין דער בית יתומים אויף איין שטיקעל באדען, האבען מיר זיך ארומגעזעהן אז אויסער דעם בית יתומים איז נויטיג איין נורסערי, ווארים קיין קינדער אונטער 4 יאהר טאר מען ניט ארייננעהמען אין בית יתומים. יעצט איז די פראגע וואס וועט מען אטן מיט דיקליינע קינדער אונטער 4 יאהר, וועמעס מוטער אדער פאטער שטארבען חלילה, ווען דער פאטער שטארבט און די מוטער וויל געהן ארבייטען. האבען מיר געגרינדעט איין נויריסערי ווען די מוטער וויל געהן ארבייטען און איבערלאזען איהרע קינדער זאל זי ברענגען אין דער פריה די קינדער און אויף דער נאכט זיי אהיים נעהמען און איין נוירסערי פאר קליינע קינדער יתומים'לאך פון איין טאג ביז 4 יאהר נעהמען מיר זיך אונטער מיט גאט'ס הילף און די הילף פון גוטע מענשען מעמבערס, זאלען מיר עס קענען אויספיהרען פאר איין נוירסערי עס פעהלט פאר רען. מיר האבען צו קויפען איין פאסינג געלד. געלד? אבער ווער וועט זיך אפזאגען צו געבען פאר אזא היילינגען צוועק ווי א נוירסערי. מיר וועלען רופען גלייך איין מטנג, מעמבערס און נייע מעמבערס זאלען קומען צו דיעזען וויכטיגען מיטינג פיר דער גרינדונג פון א נורסער און די נוירסערי.

די גרינדער זענען ווי פאלגט:

מרס. ראטענבערג
מרס. ראטה
מרס. העגרי
מרס. ראדין
מרס. לאד
מרס. שאפירא
מרס. פאליק
מרס. האלצמאן
מרס. ווינגנאר

פאר מעהר איינצעלהייטען וואטשט דעם ,,וועג״.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price; By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דעטראיטער כשר האספיטאל דארף באלד געב[ויי]ט ווערען

דאס נעכטיגע לייט־ארטיקעל [...]ענען פאר א הקדמה צו דעם היינטיגען ארטיקעל, אדער צו דער [...]רייהע ארטיקלען וואס מיר האבען בדעה צו דרוקען איך דיזען פלאץ מכח די דעטראיטער אידישע אינסטיטוציעס. וואס מיר האבען שוין דא און מכח די פיעלע, וואס פעהלען ביי אונז אדער די וואס האלטען זיך אין בויען זיים יאהרען, און וועלכע מען נויטיגט זיך אין וועלכע, גאט ווייסט צו וואס פאר אן אורזאכען, זיי זיינען ביז איצט געבליבען עקזיסטירען אויף פאפיר.

מיר ווילען ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די לעזער אויף דעם באריכט, וואס ווערט געדרוקט אויף אן אנדער פלאץ אין דיזען נומער פון דער „היברו האספיטאל אסאסיאיישאן“.

די דאזיגע „אסאסיאיישאן“ איז שוין אלט אן אכט יאהר, זאגט מען אונז.

אבער מעהר זיי פאפירענע טעטיגקייט זעהט מען נישט פון איהר.

און ווען עס זאל אונז ערלויבט זיין וואלטען מיר דאס היינטיגע לייט־ארטיקעל אויסגענוצט אין אן אפענעם בריעף צו דער „באארד אף דירעקטארס“ פון דיזער ארגאניזאציע, און מיר וואלטען זיי געפרעגט וואס האט איהר אין די אכט יאהר פון אייער עקזיסטענץ אויפגעטאן?

אין דעם באריכט זאגט זיך, אז מאן און פרוי, צו וועמען מען ווענדט זיך, האט נאך קיינער זיך נישט ענטזאגט פון צו ווערען א מיטגליעד פון דער ארגאניזאציע.

און ווען דיזע פאאר שורות זאלען אפילו אינם באריכט נישט שטעהן, וואלטען מיר אויך געוואוסט אז אין אזא צענטער ווי דעטראיט וועט קיין שום מאן אדער פרוי נישט קארגען די דריי אדער צעהן דאלאר א יאהר אויף צו ווערען א מיטגליעד אין אן ארגאניזאציע, וואס נעהמט זיך אונטער אזא וויכטיגע און נאבעלע טאט, ווי אויפבויען א אידישען שפיטאל.

און נאך שטערקער: ווען עס קומט צו אונז אימיצער און זאגט אונז אז מען קען אין דעטראיט נישט מאכען קיין מיטגליעדער פאר אזא וויכטיגער ארגאניזאציע, וואלטען מיר איהם נישט געגלויבט.

און איבערהויפט אצינד.

אצינד, ווען מיר דארפען זיך ריכטען אז סוף כל סוף, וועט זיך דער פארשלאסענער אימיגראציאנס טויער אויפשליסען און אונזערע פארפאלגטע קרובים און חברים פון יענער זייט ים וועלען קומען צו אונז. און עס ליגט דערום אויף אונז א חוב פון איצט אן צו שאפען אלע יענע אינסטיטוציעס, וועלכע עס וועט זיי אויסקומען צו באנוצען אין פאל פון א נויט.

אצינד, ווען אין דעטראיט, מיר מיינען אין דעם אידישען דעטראיט לעבט זיך בשפע; ווען מען איז ביכולת צו שאפען און העלפען שאפען די נויטיגע אינסטיטוציעס.

טא וואָרום זשע שטעהט „די היברו האספיטאל אסאסיאיישאן“ אויף איין פלאץ און באוועגט זיך נישט מיט ממשות'דיגע ארבייט?

אכט יאהר איז אלט די דאזיגע ארגאניזאציע.

און מעג זי אלט זיין צעהן מאהל מעהר, וועט זי ווייט/נישט אוועק, אויב זי וועט נישט ווייזען קיין מעשים, מעשים ממש.

עס איז אויפגעשטעלט געווארען דא א בית יתומים מיט ערפאלג, נאר דערפאר וואס די ארגאניזאציע, וואס האט זיך מיט דיזער אינסטיטוציע מתעסק געווען, האט זיך ווייניג מפלפל געווען און געטאן אלפיים. אויף וועלכע מען האט געקענט אנווייזען, אז אט איז א בנין, און אויף דעם דאזיגען בנין פאדערט זיך שטיצע.

מיר מיינען דערמיט צו זאגען, אז כל זמן דאס פלאץ, דער לאט וועט שטעהן נאקעט, כל זמן דער עולם וועט נישט זעהן קיין ציגעל און קיין ליים און קיין מליערס און קיין סטאליארעס וועט די ארבייט אנגעהן נאכלעסיג. די געלדער וועלען אריינקומען אין קאסע, ווי פעך געצויגען פון אן איבערבעט.

און לאזט אונז שוין אויך זאגען, אז די טועך פון דעם שפיטאל דענקען נאר אז עס וואלט פיעל גלייכער געווען איינצוגעבען דעם פלאן פון בויען א שפיטאל אויף דעם געקויפטען לאט, ווייל ער שטעהט אין א געדיכט באזעצטען געגענד. עס וואלט — דענקען זיי — גלייכער געווען צו פארקויפען דאס פלאץ און פאר דעם געלד, וואס זיי קענען איצט באקומען פאר דעם לאט, קענען זיי א גרעסער שטיק לאנד קויפען אויסערן שטאדט און עס זאל נאך קלעקען א געניגענדע סומע אויף א התחלת הבנין.

וואָרום זשע ווערט דאס נישט געטאן?

איז דען נישט איבעריג אפילו איין טראפען טינט צו פארליערען אום צו איבערצייגען דאס וויכטיגקייט פון א כשר'ן שפיטאל אין אזא גרויסען אידישען צענטער, ווי דעטראיט איז געווארען אין די לעצטע פאר יאהר?

איז דען נישט איבעריג ארויסצוקומען אצינד מיט א בקשה צו די היגע אידען, אז זיי זאלען שטיצען אזא נויטווענדיגע אונטערנעהמונג?

עס איז באקאנט, אז די דערמאנטע שפיטאל ארגאניזאציע האט מפני כמה טעמים, וואס זיינען גוט באוואוסט, נישט געקענט זיין אזוי טעטיג אין די מלחמה יאהרען; על כל פנים גיבען די דירעקטארען אליין צו, אז פון יאהר 1916 איז כמעט גארנישט געטאן געווארען ביז די לעצטע פאר חדשים.

איז עס דערום אונזער עצה, אז דאס דירעקטאריום זאל אויף איינעם פון איהרע נעקסטע מיטינגען אנגעהמען א באשלוס פון באלדיגער ממשות'־דיגער טעטיגקייט. מיר מיינען דערמיט פשוט א טעטיגקייט פון ליים און ציגעל, מליארעס און סטאליארעס. און ווען זיי וועלען אזא התחלה מאכען, זאלען זיי דאן ארויסקומען צו די דעטראיטער אידען מיט אן אויפרוף פאר שטיצע און אט וועלען זיי דערזעהן ערשט דערזעהן ווי וואָרים עס וועלען זיך אפרופען די היגע אידען.

וואָרים מיר זיינען זיכער אז ווען דער עולם זעהט אן ערנסטע טעטיגקייט, רופט ער זיך אפ ערנסט און אויפריכטיג.

עס פארשטעהט זיך אז מיר וועלען גערן אפגעבען פלאץ פאר די דירעקטארען און זייער פרעזידענט פאר אן ערקלערונג וואָרום זיי קענען אונזער אויפפאדערונג נישט נאכקומען.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)

קאלט

פערי, דער בארימטער רייזענדער פון קאלטע לענדער און אנטדעקער פון נארד־פאל, איז לעצטע וואך געשטארבען אין וואשינגטאן.

עס איז צו האפען, אז די מענשהייט וועט נישט בלייבען קאלט צום טויט פון דעם רייזענדען פון קאלטע לענדער..

* * *

א נייער באלשעוויק

לענין האט „דראטלאז“, ערקלערט נאר א קארעספאנדענט, אז די באלשעוויקעס זענען העכסט צופרידען פון די רעוואלוציאנערען, וואס אמעריקא שיקט זיי ארויס.

אזא געפעהרליך לאנד, אמעריקא! טאמער האבען די באלשעוויקעס ווייניג קרעפטען, שיקט אמעריקא זיי צו נאך קרעפטען — צו פארשטארקען די באלשעוויסטישע רייהען.

נישט אנדערש, אז סענאטאר לוסק איז א באהאלטענער באלשעוויק.

* * *

גייסטיגע בהמות

סער אליווער לאדוש האט אין אין זיינער א לעקטשור איבער ספיריטואליזם ערקלערט, אז אויך בהמות און אינזעקטען זענען אומשטערבליך.

איצט וועט מען אויך קענען זאגען: „דאס אומשטערבליכע פערד“, „דער אומשטערבליכער אקס“, אדער דער „אומשטערבליכער פיפערנאטער“.

* * *

אן עצה די באלשעוויקעס

די באלשעוויסטישע רעגירונג אין רוסלאנד האט, לויט א מעלדונג פון קאפענהאגען, שטרענג פארבאטען צו שפילען אין קארטען, אפילו אין פריוואטע וואוינונגען.

קיין וואונדער נישט: אין קארטען איז דאך פאראן א „מלך“ מיט א „מלכה“ — און ווי קענען די באלשעוויקעס דאס דולדען?

אבער — זיי האבען דאך געקענט אן עצה זיך געבען: אנשטאט א מלך מיט א מלכה, האבען זיי געקענט איינפיהרען אין דער קארטען־שפיעל א „פאלקס־קאמיסאר“ מיט א פאלקס־קאמיסארשע“...

* * *

מ'דארף איהם נאכמאל

לאנסינג, דערצעהלט ראובן פינק, איז געווען אן אנטיסעמיט און א נעגנער פון א אידענשטאט אין ארץ ישראל. און איינמאל האט ער געשריבען ווילסאנ'ען אז די קריסטליכע וועלט וועט נישט דולדען, אז מ'זאל פאלעסטינא אוועקגעבען דעם פאלק, וואס האט געקרייציגט יעזוס קריסטוס'ן.

אויב אזוי, וואלטען מיר געוואונשען, אז ווילסאן זאל איהם צוריק אריינגעהמען אין קאבינעט — כדי איהם צו קענען נאכמאל ארויסווארפען..

* * *

וואו קומען זיי טאקע אהין?

קאנאן דאיל, דער שרייבער פון די דעטעקטיוו־געשיכטען און ספיריטואליסט, האט ערקלערט, אז אויף יענער וועלט זענען נישטא קיין אלטע מיידלעך.

פרעגט זיך: וואו קומען אהין אלע אלטע מיידלעך, וואס שטארבען — נאך א חתן..

* * *

א נייע השערה

א פראפעסאר — אוי, די פראפעסארען — איז ארויסגעקומען מיט אן ערקלערונג, אז די אינפלוענציע האבען מיר איבערגענומען פון אנדערע פלאנעטען.

גאנץ נאטירליך: אז מ'זיצט אין א ווינטערדיגער נאכט מיט א געליעבטער אונטער'ן פרייען הימעל און מ'קוקט צו די שטערען, קען מען גאנץ לייכט כאפען די אינפלוענציע..

* * *

[...]ישט מוזיקאליש

א נייער קלאנג האט זיך פארשפרייט — דאס מאל אין רוים — אז לענין איז ערמארדעט געווארען.

דער לענין איז גארנישט מוזיקאליש: ער הערט אזוי פיעל קלאנגען וועגען זיין טויט, און ער — ס'זאל איהם עפעס א ריהר טאן.

* * *

דעם ווינטער'ס זכיה

אין ירושלים איז אויסגעפאלען א שניי אויף 39 אינטשעס די הויך. דאס איז ראר[ט]ען אן איבערראשענדע נייעס.

דער פאעט פון אונזער רעדאקציע באמערקט אויף דעם: דער ווינטער האט גע'טענה'עט פאר'ן רבונו של עולם: אלע מענען קומען קיין ארץ ישראל, דער פריהלינג, דער זומער, דער הערבסט, דער האגעל, נאר איך־דער ווינטער האב נישט די זכיה צו זיין אמאל אין הייליגען לאנד.

פון הימעל איז דאן געקומען אן ערלויבעניש אז דער ווינטער זאל מאכען א וויזיט אין ארץ ישראל און דער ווינטער האט נישט לאנג געווארט און מיט זיינע שניי ליפען צוגעפאלען צו דער ארץ ישראל ערד.

ווי געפעלט אייך אונזער פאעט'ס פאנטאזיע? ..

* * *

וואס ארט עס איהם?

קלעמאנסא איז נאך יאלין פאר דעם אנצופיהרען דעם קאמף געגען די באלשעוויקעס. ווי עס ווערט געמעלדעט, זאל ער האבען געזאגט אז די באלשעוויקעס זאלען באקעמפט ווערען מיט דער פוילישער ארמיי.

מען מוז צוגעבען אז דער ציינלאזער „טיגער“ איז דער גרעסטער וועלט דעמאקראט, ער איז בארייט צו קעמפען פאר דער וועלט דעמאקראטיע ביז צום לעצטען [פ]אליאק . .

* * *

אויסשיסען און אויסשליסען

גענעראל בלים האט רעדענדיג וועגען רוסלאנד ערקלערט אז קיין אידען קאן מען נישט אויסשיסען.

די דיפלאמאטען פון דער ניו־יארקער אסעמבלי ווי עס שיינט דענקען אז אויסשליסען אן אידען קאן מען יא.

* * *

[מ]יר פארגינען איהר.

מארשאל פאש — זאגט מען — איז איצט אין ווארשא. ער איז אוועק אהין צו ארגאניזירען די פוילישע ארמעע פאר א אמת געגען די באלשעוויקעס.

עס קומט דעם פראנצויזישען פעלד־מארשאל א יישר כח, זאל ער מאכען פון [פוילין] אזא שטארקע מיליטערישע מאכט, אז זי זאל שפעטער זיך פיהלען בכח צו ארויסגעהן אין קריעג געגען דער גאנצער וועלט, פונקט ווי דייטשלאנד האט עס געטאן...

* * *

א סוד

א פיער און צוואנציג יעהריגע מיידעל האט געהייראטעט פיער מענער.

טויזענדער מיידלאך וואלטען וועלען דערגעהן דעם סוד פון איהר קונסט.

* * *

ווי קומט עס?

מיר האבען שוין געהערט א סך אירשום פון די קאנדידאטען צו דער פרעזידענטשעל נאמינעישאן, נאר אז איינער פון זיי זאל מאכען דעם יקרות פאר אן אישו הערט מען עפעס נישט.

וואס'ז די מעשה?

* * *

הים די פאקעטס

מעיאר קאוזענס האט שוין באשטעטיגט אז אין דעטראיט זיינען נישטא קיין גנבים. נו, איצט מעגט איהר שוין זיכער זיצען אין הויז מיט א רעוואלווער אין האנד באלד ווי ס'פארגעהט די זונען און אז איהר געהט אין גאס, היט די פאקעטס!

„הזמרה“

פון ישראל ראבינאוויטש

ספעציעל פאר'ן „וועג“

דורכפאהרענדיג פאראכטאגען וואכען מאנטרעאל, קאנאדא, האב איך געהאט די געלעגענהייט צו הערען דעם „זמרה“ - אנסאמבל, וועלכער פאהרט יעצט ארום איבער דער גאנצער וועלט מיט א מין „אפאסטאלישער“ מיסיאן צו באשאפען א סענטימענט פאר אן אייגענארטיג־אידישער מוזיק.

און אזוי ווי דער דאזיגער אנסאמבל וועט אויך זיין דא אין דעטראיט דעם 7־טען מערץ, וועט עס דארום זיין גאנץ צייטמעסיג איבערצוגעבען מיין פערזענליכען איינדרוק און די אלגעמיינע שטימונג וואס דער „זמרה“־קאנצערט האט געשאפען אויף די אידישע צוהערער פון מאנטרעאל.

איבערעפעקט איז געווען דער „היי־מעדזשעסטי'ס“ טעאטער. אידען פון „אפטאון“ און „דאונטאון“, יונג און אלט, פארביסענע ראדיקאלען און פאנאטישע שוהל־אידען — אלע זיינען געקומען הערען דעם „הול מבשר“; געקומען באגעגענען די ערשטע שוואלב פון א מוזיקאלישען „יציאת מצרים“ ביים אידישען פאלק.

דאס אידישע פאלק איז אין גלות; די אידישע תורה, אדער בעסער געזאגט, די אידישע קולטור איז אין גלות. אבער פיעל ערגער ווי גלות דארף זיין דער גיהנום, און דארטען איז די אידישע מוזיק...

און אפשר דארטען אויך נים?... איז דען דא אזא זאך ווי א אידישע מוזיק?

אגב, אויף קען דער דאזיגער ספק אויסקומען ניט בארעכטיגט. מען קען עס גלייך פארענטפערען מיט'ן אלטען תירוץ, אז — מוזיק איז דער אויסדרוק פון די שענסטע מענשליכע געפיהלען. די אומדעפיניטיווע „שפראך פון דער נשמה“. איז ממה נפשך, זיינען אידען א פאלק מיט כאראקטעריסטיש־אייגענארטיגע נאציאנאלע שטריכען, דאן מוזען זיי דאך שוין במילא באזיצען אן אייגענארטיגען מוזיק־קוואל.

דאס איז אן עלעמענטארער אמת וואס קען ניט אפגעלייקענט ווערען. נאך מעהר: איך אליין גלויב באמונה שלמה, צוזאמען מיט אלע „אתה בחרתנו“־אידען, אז דער אידישער מוזיק־קוואל איז פיעל טיפער און אמעריקאנישער ווי אלע אנדערע קוואלען; אבער אין דער זעלבער צייט בין איך אויך איבערצייגט, אז אום צו קענען געניסען פון א געשמאקען קוואל, דארף מען גראבען און קולטיווירען קאנאלען, וואס זאלען פליסען ווייט און בריים — אלעמען דערקוויקען און דאך האבען אלס מיטעל־פונקט דעם הויפט־קוואל..

אבער ניט אזוי איז ליידער מיט דער אידישער מוזיק. פון דעם אידישען קוואל איז געווארען א קאלוזשע, וואס האט זיך צעפלאסען — אהן א שום באלעבאטישען סדר — איבער יעדען גלות־ווינקעל; זיך „צונויפגעוואסערט“ מיט פרעמדע קאנאלען, וואס פליסען פון פרעמדע קוואלען און — דער רעזולטאט איז: מענדעלסאן איז א דייטש, מייערבער — א פראנצויז; רובינשטיין — א רוס; עלמאן — א רוסישער ווירטואז און יאשא חפץ — א „ראשען דזשיניוס“...

צו אונזער קרעדיט רעכענט מען בלויז צו די פעדלערס, וואס שרייען: „רעגס“, „באטלס“ און די באלשעוויקעס, וועלכע זיינען שונאים פון דעמאקראטיע און פון דער מערב אייראפעאישער קולטור..

* * *

דאס אידישע פאלק לעבט יעצט דורך א רענעסאנס. ביסלעכווייז באשאפט זיך צווישען די ברייטע מאסען, אזוי גוט ווי ביי דער אינטעליגענץ, דאס, וואס דר. זשיטלאווסקי רופט אן „א נאציאנאלער ווילען“, — א ווילען זיך צו באפרייען הן פון פיזישער און הן פון גייסטיגער שקלאפעריי.

די בעסטע קינדער פון פאלק האבען דערפיהלט דאס אחריות פון דער צייט און ביסלעכווייז קומען זיי צוריק מיט זייער אידעאליסטישען ווילען און פעהיגקייט אויפצובויען דעם לאנג צעפאלענעם נאציאנאלען בנין פון אידישען פאלק.

די 6 יונגע לייט פון דעם „זמרה“ - אנסאמבל דארפען דארום באטראכט ווערען אלס די טרובאדורען פון אונזער רענעסאנס פעריאדע.. זיי קענען פארגליכען ווערען צו די מיטעל־אלטערליכע ענטוזיאסטען פון פלארענץ, וועלכע האבען געלעגט דעם פונדאמענט פאר דער מאדערנער אפערא, א דאנק דעם, וואס זיי האבען זיך אונטערגענומען אויפצולעבען די אלט־גריכישע מוזיק - דראמא.

יעדער איינער פון דעם „זמרה“ [...] איז אן ארטיסט אין פולען זין פון ווארט. פיעליכט איז ניט יעדער פון זיי אזא ווירטואז ווי זייער פיאניסט בערדיטשעווסקי וועלכער צייגט ארויס א מערקווירדיגע טעכניק און וואונדערפולען סטיל אבער ארטיסטען זיינען זיי אלע. זיי האבען געשפיעלט דעם טשייקאווסקי - קווארטעט אין רע מינאר, אפוס 11 מיט אן אמת קינסטלערישער אויפפאסונג. די באריהמטע „אנדאנטע קאנטאבילע“ (פון דעם זעלבען קווארטעט) ווערט דורך די „זמרה - קינסטלער אויסגעטייטשט מיט דעם גאנצען מעלאדישען ליריזם, וואס די דאזיגע מערקווערדיגע קאמפאזיציע ענטהאלט.

מיט דעם טשייקאווסקי - קווארטעט, וועלכער איז געווען דער ערשטער אויף'ן פראגראם אויף זייער קאנצערט וועלכען איך האב ביינעוואוינט, האבען זיי באוויזען, אז זיי קענען פונקט אזא ערפאלג (אויב ניט נאך א גרעסערען) מאכען מיט קלאסישע מוזיק.

זיי האבען אבער געהאט אויף דעם פראגראם א פאר זעלטען שעהנע אידישע נומערען ווי א אידישע ראפסאדיע פון אלסבערג, „כל נדרי“, פאר א סיקסטעט, אראנזשירט פון דעם אידיש - רוסישען מוזיקער גוראוויטש „עלי ציון“ פון צייטלין און א פאר כאראקטעריסטישע פאלקס־מעלאדיען.

אויף ווי ווייט די באגייסטערונג פון עולם האט דערגרייכט אויף יענעם קאנצערט, קען דיענען דער פאלגענדער אינצידענט:

נעבענאיבער מיר איז געזעסען אן עלטערער איד פון א יאהר זיבעציג, מיט א שנעע־ווייסער בארד, מיטעלמעסיגע פאות און אין א יארמולקע, און נעבען איהם איז געזעסען א אייניקל פון א יאהר 16 — קענטיג אן אייניקעל.

ווען זיי האבען אפגעשפיעלט „כל נדרי“ איז געקומען א דונער פון אפלאדיסמענטען מען האט זיי אפשר 6 מאל ארויסגערופען דאס אייניקעל, וואס איז געזעסען נעבען אלטען, איז געווען איינער פון די סאמע באגייסטערטע אפלאדירער, א דאנק דעם וואס דער אלטער האט איהם געהאלטען אין איין אויפמונטערען: פאטש נאך! .. פאטש זאלען זיי שפיעלען נאך..

עס פאסט ניט פאר אן אלטען אידען אליין צו פאטשען, — דאס שמעקט מיט קונדס'עריי, האט ער ווייזט אויס, געוואלט אז דאס אייניקעל זאל שוין אויך, אפטאן דעם טייל קונדס'עריי, וואס ער אליין שעהמט זיך צו טאן..

געדעכט איז געווען יענער זיידע: — מ'דארף פאטשען, וואס מעהר פאטשען לכבוד די זמרה - קינסטלער און זיי אויפמונטערן פארטצוזעצען ערפאלגרייך זייער אפאסטאלישען מארש צו'ם אלט־נייעם אידישען מוזיק - קוואל.

דעטראיטער שפיגעל.

אמת'ע מעשיות, טרויעריגע און קאמישע פאסירט אין דעטראיט'ער אידישען קווארטאל

ויברח און..

דאס, וואס איך געה אייך איצט דערצעהלען, איז ממש ווי א געשיכטע פון טויזענד און איין נאכט און ווען איהר לעזט די מעשה אין א ראמאן אדער זעהט עס אויף דער ביהנע, וואלט איהר ניט געגלויבט. אז אזא זאך קען פאסירען אין דער ווירקליכקייט און א גרויסער מאדערנער שטאדט.

נאר דער הואה ואינו נראה איז קיין פאעט נישט און ער האט פיינט צו פאנטאזירען. דאס וואס ער דערצעהלט איז גענומען פון לעבען, און לעבען פאסירט אמאל זאכען, וואס אפילו די פאנטאזיע פון א ראמאניסט אדער דראמאטורג קען נישט אויסטראכטען.

עס איז א טראגיקאמעדיע און איך וועל דערוויייל נישט אנרופען קיין אמת'ע נעמען און נישט אנגעבען קיין אדרעסען, כדי נישט צו פארשעהמען די פערזאנען, וועלכע האבען שוין געגוג חרפה געליטען.

און איצט צום עיקר המעשה:

אין איינע פון די דעטראיט'ער אידישע גאסען, וואס איז באדעקט מיט לויטער קליינע פריוואט־הייזלעך, וואוינען צוויי באפריינדעטע אידישע פאמיליעס. איך וויל זיי רופען ראובן'זאהן און שמעון'זאהן. די פאמיליע שמעון'זאהן וואוינט אין נומער 112 און די פאמיליע ראובן'זאהן אין 114.

די פאמיליע ראובן'זאהן האט געהאט זעהן אויסצוגעבען, א פיינער בחור, א שעהנער, א גערעכטנער און א פארדינער. זיין נאמען וועלען מיר זאגען איז מענדעל.

און די פאמיליע שמעון'זאהן האט געהאט א טאכטער אויסצוגעבען א פיין מיידעל, א שעהנע, א געראטענע און א גוטע הויזווירטין. מיר וועלען זי רופען גנענדעל.

איז דאך גוט, האָ? און איהר מיינט אודאי, אז אזוי ווי זיי זיינען אזעלכע נאהענטע שכנים און ביידע זיינען שעהנע און פיינע און ביידע זיינען „אויסצוגעבען“ — איז געווארען א שידוך, ס'הייסט אז מענדעל האט זיך פארלובט אין גנענדעל און גנענדעל אין מענדעל.

האט איהר, במחילה, א טעות. פאר ליעבט האבען זיי זיך טאקע ביידע, אבער נישט מענדעל אין גנענדעל און נישט גנענדעל אין מענדעל. מענדעל האט זיך פארליעבט אין א מיידעל נאר פון אן אנדער טייל שטאדט און גנענדעל האט זיך פארליעבט אין א בחור פון א צוואנציג גאסען ווייטער.

אבער אט פלעגט מען פארברענגען צוזאמען. גנענדעל מיט איהר חתן און מענדעל מיט זיין כלה פלעגען זיך צוזאמען אדער אין ראובן'זאהנ'ס אדער אין שמעון'זאהנ'ס הויז. און ס'איז געווען פרעהליך און לעבעדיג.

זיינען אזוי געגאנגען טעג מיט וואכען און וואכען מיט טעג ביז מ'האט באשלאסען מיט מזל און מיט גליק צו שרייבען תנאים, און צו צופעליג, צי אפגערעדט אזוי, זיינען ביידע תנאים'ס אויסגעפאלען אויף איין דאטום. עס הייסט, אז מענדעל מיט זיין כלה און גנענדעל מיט איהר חתן האבען תנאים געשריבען אין איין אווענט.

איז עס לייטען געפעלען און מ'האט באשלאסען, אז אויך די חתונות זאלען פארקומען אין איין נאכט. פארוואס נישט? אדרבא, ס'וועט זיין פרעהליכער.

און עטליכע וואכען שפעטער איז געפראוועט געווארען חתונה. נו, איז געווען לעבעדיג. אין הויז 112, וואו עס וואוינט די פאמיליע שמעון'זאהן, איז געווען געפאקט מיט געסט און אין הויז נומער 114, וואו עס וואוינט די פאמיליע ראובן'זאהן איז אויך געווען „ליהודים“.

אין הויז 112 האט מען געווארט אז אויסגעפוצטע כלה אויף איהר חתן און אין הויז 114 האט מען זיך געגרייט אוועקצופיהרען אן אויסגעפוצטען חתן צו זיין כלה און הויז אריין וואו די חתונה צערעמאניע דארף געפראוועט ווערען.

בקיצור — מענדעל'ען האט מען אוועקגעפיהרט און — גנענדעל? גנענדעל ווארט. באלד וועט איהר חתן קומען. געהט אבער שעה נאך שעה און דער חתן איז נישטא. ווערט מען אומרוהיג. דער כלה'ס פנים בלאס ווי ביי א מת, די געסט שושקען זיך. טרויעריג. שיקט מען שלוחים צום חתן — לאזט זיך אויס, אז דער בחור איז ערגעץ נעלם געווארען. נישטא איהם.

שטעלט זיך אוועק פאר דער כלה'ס הארץ! אבער שא! — וואס איז אין דרויסען? קומט ער? יא, ער קומט, דער חתן קומט. — גאר ווער! נישט גנענדעל'ס חתן. ס'איז מענדעל דעם קאפ געבאך אראפגעלאזט, ווי אן אבל פשוט.

וואס איז מענדעל? אוי, שרעקליך, געקומען צו דער כלה אין הויז אריין ערשט די כלה איז נישטא, ערגעץ פארפאלען געווארען. אומזיסט געווארט שטונדען לאנג.

ווער נאך קען אזוי פיהלען מענדעל'ס הארץ, ווי גנענדעל? און ווער קען אזוי פיהלען גנענדעל'ס הארץ ווי מענדעל?

זיצען ביידע און זיפצען. און זיפצענדיג ווערט ביי ביידען געבוירען א מאדנער געדאנק און — הערט א געשיכטע: מענדעל און גנענדעל זיינען ארונטער אונטער'ן חופה און חתונה געהאט. שוין איינמאל געווען א שמחה.

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)

פון הרואה ואינו נראה

זאגט אליין איז עס ניט א זווג פון זיין ליעבען נ[א]מען?

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז מענדעל'ס כלה און גנענדעל'ס חתן האבען שוין לאנג געוואָרפען אויגען איינע אויף די אנדערע און אין געהיים געפירט א ליעבע און אין דעם טאג פון דער חתונה זיינען ביידע אוועק קיין שיקאגא און — חתונה געהאט..

א אידישע נוירסערי געגרינדעט

ווערטהער רעדאקטאר פון „וועג“

אזוי ווי איך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געווען די גרינדערס פון דעם בית יתומים. יעצט שטעהט שוין דער דער בית יתומים אויף איין שטיקעל באדען האבען מיר זיך ארומגעזעהען אז אויסער דעם בית יתומים איז נויטיג איין נורסערי, ווארים קיין קינדער אונטער 4 יאהר טאר מען ניט אריינעהמען אין בית יתומים. יעצט איז די פראגע וואס וועט מען אטון מיט דיקליינע קנדער אונטער 4 יאהר, וועמעס מוטער אדער פאטער שטארבען חלילה, ווען דער פאטער שטארבט און די מוטער וויל געהן ארבייטען. האבען מיר געגרינדעט איין דעי נורסערי ווען די מוטער וויל געהן ארבייטען און אבערלאזען איהרע קינדער זאל זי ברענגען אין דער פריה די קינדער און אויף דער נאכט זיי אהיים נעהמען און איין נוירסערי פאר קליינע קינדער יתומים'לאך פון איין טאג ביז 4 יאהר נעהמען מיר זיך אונטער מיט גאטס הילף און די הילף פון גוטע מענשען מעמבערס, זאלען מיר עס קענען אויספיהרען פאר איין נוירסערי עס פעהלט נאך רען. מיר האבען צו קויפען איין פאסינג געלד. געלד? אבער ווער וועט זיך אפזאגען צו געבען פאר אזא הייליגען צוועק ווי א נורסערי. מיר וועלען רופען גלייך איין מטנג, מעמבערס און נייע מעמבערס זאלען קומען צו דיזען וויכטיגען מיטינג פיר דער גרינדונג פון א נורסער און דעי נוירסערי.

די גרינדער זענע ווי' פאלגט:

מרס. ראטענבערג

מרס. ראטה

מרס. העגדי

מרס. ראדין

מרס. לאק

מרס. שאפירא

מרס. פאליק

מרס. האלצמאן

מרס. ווינעגאר

פאר מעהר איינצעלהייטען וואטשט דעם „וועג“.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דעטראיטער כשר האספיטאל דארף באלד געבויט ווערען

1.

דאס נעכטיגע לייט־ארטיקעל קען דיענען פאר א הקדמה צו דעם היינטיגען ארטיקעל, אדער צו דער גאנצער רייהע ארטיקלען וואס מיר האבען בדעה צו דרוקען איף דיעזען פלאץ מכח די דעטראיטער אידישע אינסטיטוציעס, וואס מיר האבען שוין דא און מכח די פיעלע, וואס פעהלען ביי אונז אדער די וואס האלטען זיך אין בויען זייט יאהרען, און וועלכע מען נויטיגט זיך אין וועלכע, גאט ווייסט פאר וואס פאר אן אורזאכען, זיי זיינען ביז איצט געבליבען עקזיסטירען — אויף פאפיר.

מיר ווילען ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די לעזער אויף דעם באריכט, וואס ווערט געדרוקט אויף אן אנדער פלאץ אין דיעזען נומער פון דער „היברו האספיטאל אסאסיאיישאן".

די דאזיגע „אסאסיאיישאן" איז שוין אלט אן אכט יאהר, זאגט מען אונז.

אבער מעהר ווי פאפירענע טעטיגקייט זעהט מען נישט פון איהר.

און ווען עס זאל אונז ערלויבט זיין וואלטען מיר דאס היינטיגע לייט־ארטיקעל אויסגענוצט אין אן אפענעם בריעף צו דער „באארד אף דירעקטארס" פון דיעזער ארגאניזאציע, און מיר וואלטען זיי געפרעגט וואס האט איהר אין די אכט יאהר פון אייער עקזיסטענץ אויפגעטאן?

אין דעם באריכט זאגט זיך, אז מאן אין ארויס צו וועמען מען ווענדט זיך, האט נאך קיינער זיך נישט ענטזאגט פון צו ווערען א מיטגליעד פון דער ארגאניזאציע.

און ווען דיזע פאאר שורות זאלען אפילו אינם באריכט נישט שטעהן, וואלטען מיר אויך געוואוסט אז אין אזא צענטער ווי דעטראיט וועט קיין שום מאן אדער פרוי נישט קארגען די דריי אדער צעהן דאלאר א יאהר אויף צו ווערען א מיטגליעד אין אן ארגאניזאציע, וואס געהמט זיך אונטער אזא וויכטיגע און נאבעלע טאט, ווי אויפבויען א אידישען שפיטאל.

און נאך שטענערס: ווען עס קומט צו אונז אימיצער און זאגט אונז אז מען קען אין דעטראיט נישט מאכען קיין מיטגליעדער פאר אזא וויכטיגער ארגאניזאציע, וואלטען מיר איהם נישט געגלויבט.

און איבערהויפט אצינד.

אצינד, ווען מיר דארפען זיך ריכטען אז סוף כל סוף וועט זיך דער פארשלאסענער אימיגראציאנס טויער אויפשליסען און אונזערע פארפאלגטע קרובים און חברים פון יענער זייט ים וועלען קומען צו אונז. און עס ליגט דערום איף אונז א חוב פון איצט אן צו שאפען אלע יענע אינסטיטוציעס, וועלכע עס וועט זיי אויסקומען צו באנוצען אין פאל פון א נויט.

אצינד, ווען אין דעטראיט, מיר מיינען אין דעם אידישען דעטראיט לעבט זיך בשפע, ווען מען איז ביכולת צו שאפען און העלפען שאפען די נויטיגע אינסטיטוציעס.

מא ווארום זשע שטעהט „די היברו האספיטאל אסאסיאיישאן" אויף איין פלאץ און באוועגט זיך נישט מיט ממשות'דיגע ארבייט?

אכט יאהר איז אלט די דאזיגע ארגאניזאציע.

און מעג זי אלט זיין צעהן מאהל מעהר, וועט זי ווייט נישט אוועק, אויב זי וועט נישט ווייזען קיין מעשים, מעשים ממש.

עס איז אויפגעשטעלט געווארען דא א בית יתומים מיט ערפאלג, נאר דערפאר וואס די ארגאניזאציע, וואס האט זיך מיט דיעזער אינסטיטוציע מתעסק געווען, האט זיך ווייניג מפלפל געווען און געטאן ארבייט. אויף וועלכע מען האט געקענט אנווייזען, אז אט איז א בנין, און אויף דעם דאזיגען בנין פאדערט זיך שטיצע.

מיר מיינען דערמיט צו זאגען, אז כל זמן דאס פלאץ, דער לאט וועט שטעהן נאקעט, כל זמן דער עולם וועט נישט זעהן קיין ציגעל און קיין לייט און קיין מליערס און קיין סטאליארעס וועט די ארבייט אנגעהן נאבלעסיג, די געלדער וועלען אריינקומען אין קאסע, ווי פעך געצויגען פון אן איבערבעט.

און לאזט אונז שוין אויך זאגען, אז די טועה פון דעם שפיטאל דענקען גאר אז עס וואלט פיעל גלייכער געווען אויפצוגעבען דעם פלאן פון בויען א שפיטאל אויף דעם געקויפטען לאט, ווייל ער שטעהט אין א געדיכט באוועלקערטער געגענד. עס וואלט — דענקען זיי — גלייכער געווען צו פארקויפען דאס פלאץ און פאר דעם געלד, וואס זיי קענען איצט באקומען פאר דעם לאט, קענען זיי א גרעסער שטיק לאנד קויפען אויסערן שטאדט און עס זאל נאך קלעקען א גענוגענדע סומע אויף א התחלת הבנין.

ווארום זשע ווערט דאס נישט געטאן?

איז דען נישט איבעריג אפילו איין טראפען טינט צו פארליערען אום צו איבערצייגען דאס וויכטיגקייט פון א כשר'ן שפיטאל אין אזא גרויסען אידישען צענטער, ווי דעטראיט איז געווארען אין די לעצטע פאר יאהר?

איז דען נישט איבעריג ארויסצוקומען אצינד מיט א בקשה צו די היגע אידען, אז זיי זאלען שטיצען אזא נויטווענדיגע אונטערנעהמונג?

עס איז באקאנט, אז די דערמאנטע שפיטאל ארגאניזאציע האט מפני כמה טעמים, וואס זיינען גוט באוואוסט, נישט געקענט זיין אזוי טעטיג אין די מלחמה יאהרען; על כל פנים גיבען די דירעקטארען אליין צו. אז פון יאהר 1916 איז כמעט גארנישט געטאן געווארען ביז די לעצטע פאר חדשים.

איז עס דערום אונזער עצה, אז דאס דירעקטאריום זאל אויף איינעם פון איהרע נעקסטע מיטינגען אננעהמען א באשלוס פון באלדיגער ממשות'דיגער טעטיגקייט. מיר מיינען דערמיט פשוט א טעטיגקייט פון ליים און ציגעל, מליאריס און סטאליארעס. און ווען זיי וועלען אזא התחלה מאכען, זאלען זיי דאן ארויסקומען צו די דעטראיטער אידען מיט אן אויפרוף פאר שטיצע און אט וועלען זיי דעמאלט ערשט דערזעהן ווי ווארים עס וועלען זיך אפרופען די היגע אידען.

ווארים מיר זיינען זיכער אז ווען דער עולם זעהט אן ערנסטע טעטיגקייט, הערט ער זיך אפ ערנסט און אויפריכטיג.

עס פארשטעהט זיך אז מיר וועלען גערן אפגעבען פלאץ פאר די דירעקטארען און זייער פרעזידענט פאר אן ערקלעהרונג ווארום זיי קענען אונזער אויפפאדערונג נישט נאכקומען.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

קאלט

פערי, דער בארימטער רייזענדער פון קאלטע לענדער און אנטדעקער פון נארד־פאל, איז לעצטע וואך געשטארבען אין וואשינגטאן.

עס איז צו האפען, אז די מענשהייט וועט נישט בלייבען קאלט צום טויט פון דעם רייזענדען פון קאלטע לענדער..

* * *

א נייער באלשעוויק

לעניו האט „רעטלאז", ערקלעהרט פאר א קארעספאנדענט, אז די באלשעוויקעס זענען העכסט צופרידען פון די רעוואלוציאנערען, וואס אמעריקא שיקט זיי ארויס.

אזא געפעהרליך לאנד, אמעריקא! טאמער האבען די באלשעוויקעס ווייניג קרעפטען, שיקט אמעריקא זיי צו נאך קרעפטען — צו פארשטארקען די באלשעוויסטישע רייהען.

נישט אנדערש, אז סענאטאר [illegible] איז א באהאלטענער באלשעוויק.

* * *

גייסטיגע בהמות

סער אליווער לאדזש האט איז אין זיינער א לעקטשור איבער ספיריטואליזם ערקלעהרט, אז אויך בהמות און אינזעקטען זענען אומשטערבליך.

איצט וועט מען אויך קענען זאגען: „דאס אומשטערבליכע פערד", „דער אומשטערבליכער אקס", אדער „דער אומשטערבליכער פיפערנאטער".

* * *

אן עצה די באלשעוויקעס

די באלשעוויסטישע רעגירונג אין רוסלאנד האט, לויט א מעלדונג פון קאפענהאגען, שטרענג פארבאטען צו שפילען אין קארטען, אפילו אין פריוואטע וואוינונגען.

קיין וואונדער נישט: אין קארטען איז דאך פאראן א „מלך" מיט א „מלכה" — א ווי קענען די באלשעוויקעס דאס דולדען?

אבער — זיי האבען דאך געקענט אן עצה זיך געבען: אנשטאט א מלך מיט א מלכה, האבען זיי געקענט איינפיהרען אין דער קארטען־שפיעל א „פאלקס־קאמיסאר" מיט א „פאלקס־קאמיסארשע"...

* * *

מ'דארף איהם נאכמאכען

לאנסינג, דערצעהלט ראובן פינק, איז געווען אן אנטיסעמיט און א נעגנער פון א אידענשטאאט אין ארץ ישראל. און איינמאל האט ער געשריבען ווילסאנ'ען אז די קריסטליכע וועלט וועט נישט דולדען, אז מ'זאל פאלעסטינא אוועקגעבען דעם פאלק, וואס האט געקרייציגט יעזוס קריסטוס'ן.

אויב אזוי, וואלטען מיר געוואונשען, אז ווילסאן זאל איהם צוריק אריינגעהמען אין קאבינעט — כדי איהם צו קענען נאכאמאל ארויסווארפען..

* * *

וואו קומען זיי טאקע אהין?

קאנאן דאיל, דער שרייבער פון די דעטעקטיוו־געשיכטען און ספיריטואליסט, האט ערקלעהרט, אז אויף יענער וועלט זענען נישטא קיין אלטע מיידלעך.

פרעגט זיך: וואו קומען אהין אלע אלטע מיידלעך, וואס שטארבען — נאך א זתן..

* * *

א נייע השערה

א פראפעסאר — אוי, די פראפעסארען — איז ארויסגעקומען מיט אן ערקלעהרונג, אז די אינפלוענציע האבען מיר איבערגענומען פון אנדערע פלאנעטען.

גאנץ נאטירליך: אז מ'זיצט אין א ווינטערדיגער נאכט מיט א געליעבטער אונטער'ן פרייען הימעל און מ'קוקט צו די שטערען, קען מען גאנץ לייכט כאפען די אינפלוענציע..

* * *

נישט מוזיקאליש

א נייער קלאנג האט זיך פארשפרייט — דאס מאל אין רוים — אז לעניו איז ערמארדעט געווארען.

דער לעניו איז גארנישט מוזיקאליש: ער הערט אזוי פיעל קלאנגען וועגען זיין טויט, און ער — ס'זאל איהם עפעס א ריהר טאן.

* * *

דעם ווינטער'ס זכיה

אין ירושלים איז אויסגעפאלען א שניי אויף 39 אינטשעס די הויך. דאס איז דארטען אן איבערראשענדע נייעס.

דער פאעט פון אונזער רעדאקציע באמערקט אויף דעם: דער ווינטער האט גע'טענה'עט פאר'ן רבונו של עולם: אלע מעגען קומען קיין ארץ ישראל, דער פרילינג, דער זומער, דער הערבסט, דער האגעל, נאר איך דער ווינטער האב נישט די זכיה צו זיין אמאל אין היילינגען לאנד.

פון הימעל איז דאן געקומען אן ערלויבעניש אז דער ווינטער זאל מאכען א וויזיט אין ארץ ישראל און דער ווינטער האט נישט לאנג געווארט און איז מיט זיינע שניי ליפען צוגעפאלען צו דער ארץ ישראל ערד.

ווי געפעלט אייך אונזער פאעט'ס פאנטאזיע?..

* * *

וואס ארט עס איהם?

קלעמאנסא איז נאך אליין פאר דעם אנצופיהרען דעם קאמף געגען די באלשעוויקעס. ווי עס ווערט געמעלדעט, זאל ער האבען געזאגט אז די באלשעוויקעס קענען באקעמפט ווערען מיט דער פוילישער ארמיי.

מען מוז צוגעבען אז דער צייגלאזער „טיגער" איז דער גרעסטער וועלט דעמאקראט. ער איז באריט צו קעמפען פאר דער וועלט דעמאקראטיע ביז צום לעצטען פאליאק..

* * *

אויסשיסען און אויסשליסען

גענעראל בליס האט רעדענדיג וועגען ריסלאנד ערקלעהרט אז קיין אידעע קאן מען ניט אויסשיסען.

די דיפלאמאטען פון דער ניו־יארקער אסעמבלי ווי עס שיינט דענקען אז אויסשליסען אן אידעע קאן מען יא.

* * *

[illegible] פארגינען איהר.

[illegible] — זאגט מען — איז איצט אין ווארשא, ער איז אוועק אהין צו ארגאניזירען די פוילישע ארמעע פאר א [illegible] געגען די באלשעוויקעס..

עס קומט דעם פראנצויזישען פעלדמארשאל א יישר כח, זאל ער מאכען [illegible] אזא שטארקע מיליטערישע מאכט, אז זי זאל שפעטער זיך פיהלען בכח צו ארויסגעהן און קריעג געגען דער גאנצער וועלט, פונקט ווי דייטשלאנד האט עס געטאן..

* * *

א סוד

א פיער און צוואנציג יעהריגע מיידעל האט געהייראטעט פיער מענער.

טויזענדער מיידלאך וואלטען וועלען דערגעהן דעם סוד פון איהר קונסט.

* * *

ווי קומט עס?

מיר האבען שוין געהערט א סך אי־שום פון די קאנדידאטען צו דער פרעזידענשעל נאמינייישאן, נאר אז איינער פון זיי זאל מאכען דעם יקרות פאר אן אישו הערט מען עפעס נישט.

וואס'ז די מעשה?

* * *

היט די פאקעטס

מעיאר קאוזענס האט שוין באשטעטיגט אז אין דעטראיט זיינען נישטא קיין גנבים. נו, איצט מעגט איהר שוין זיכער זיצען אין הייז מיט א רעוואלווער אין האנד באלד ווי ס'פארנעהט די זון און אז איהר געהט אין גאס, היט די פאקעטס!

„הזמרה"

ספעציעל פאר'ן „וועג" פון ישראל ראבינאוויטש

דורכפאהרענדיג פאראכטאגען זונטאג מאנטרעאל, קאנאדא, האב איך געהאט די געלעגענהייט צו הערען דעם „זמרה"־אנסאמבל, וועלכער פאהרט יעצט ארום איבער דער גאנצער וועלט מיט א מין „אפאסטאלישער" מיסיאן צו באשאפען א סענטימענט פאר אן אייגנארטיג־אידישער מוזיק.

און אזוי ווי דער דאזיגער אנסאמבל וועט אויך זיין דא אין דעטראיט דעם 7־טען מערץ, וועט עס דארום זיין גאנץ צייטגעמעס צו איבערצוגעבען מיין פערזענליכען איינדרוק און די אלגעמיינע שטימונג וואס דער „זמרה"־קאנצערט האט געשאפען אויף די אידישע צוהערער פון מאנטרעאל.

איבערגעפאקט איז געווען דער „היז מעדזשעסטי'ס" טעאטער. אידען פון „אפטאון" און „דאונטאון", יונג און אלט, פארביסענע ראדיקאלען און פאנאטישע שוהל־אידען — אלע זיינען געקומען הערען דעם „קול מבשר"; געקומען באגעגענען די ערשטע שוואלב פון א מוזיקאלישען „יציאת מצרים" ביים אידישען פאלק.

דאס אידישע פאלק איז אין גלות; די אידישע תורה, אדער בעסער געזאגט, די אידישע קולטור איז אין גלות. אבער פיעל ערגער ווי גלות דארף זיין דער גיהנום, און דארטען איז די אידישע מוזיק..

און אפשר דארטען אויך ניט?.. איז דען דא אזא זאך ווי א אידישע מוזיק?

אויבען אויף קען דער דאזיגער ספק אויסקומען ניט בארעכטיגט. מען קען עס גלייך פארענטפערען מיט'ן אלטען תירוץ, אז — מוזיק איז דער אויסדרוק פון די שעהנסטע מענשליכע געפיהלען. די אומדעפיניטיווע „שפראך פון דער נשמה". איז ממה נפשך, זיינען אידען א פאלק מיט כאראקטעריסטיש־אייגנארטיגע נאציאנאלע שטריכען, דאן מוזען זיי דאך שוין במילא באזיצען אן אייגנארטיגען מוזיק־קוואל.

דאס איז אן עלעמענטארער אמת וואס קען ניט אפגעלייקענט ווערען. נאך מעהר: איך אליין גלויב באמונה שלמה, צוזאמען מיט אלע „אתה בחרתנו"־אידען, אז דער אידישער מוזיק־קוואל איז פיעל טיעפער און אומדערשעפליכער ווי אלע אנדערע קוואלען; אבער אין דער זעלבער צייט בין איך אויך איבערצייגט, אז אום צו קענען געניסען פון א געשמאקען קוואל, דארף מען גראבען און קולטיווירען קאנאלען, וואס זאלען פליסען ווייט און ברייט — אלעמען דערקוויקען און דאך האבען אלס מיטעל־פונקט דעם הויפט־קוואל..

אבער ניט אזוי איז לײדער מיט דער אידישער מוזיק. פון דעם אידישען קוואל איז געווארען א קאלוזשע, וואס האט זיך צעפלאסען — אהן א שום באלעבאטישען סדר — איבער יעדען גלות־ווינקעל; זיך „צוזויפגעוואסערט" מיט פרעמדע קאנאלען, וואס פליסען פון פרעמדע קוואלען און — דער רעזולטאט איז: מענדעלסאן איז א דייטש, מייערבער — א פראנצויז; רובינשטיין — א רוס; עלמאן — א רוסישער ווירטואז און יאשא חפץ — א „ראשען דזשיניוס"...

צו אונזער קרעדיט רעכענט מען בלויז צו די פעדלערס, וואס שרייען: „רעגס", „באטלס" און די באלשעוויקעס, וועלכע זיינען שונאים פון דעמאקראטיע און פון דער מערב איראפעאישער קולטור..

* * *

דאס אידישע פאלק לעבט יעצט דורך א רענעסאנס. ביסלעכווייז באשאפט זיך צווישען די ברייטע מאסען, אזוי גוט ווי ביי דער אינטעליגענץ, דאס, וואס דר. זשיטלאווסקי רופט אן „א געזונטער נאציאנאלער ווילען", — א ווילען זיך צו באפרייען הן פון פיזישער און הן פון גייסטיגער שקלאפעריי.

די בעסטע קינדער פון פאלק האבען דערפיהלט דאס אחריות פון דער צייט און ביסלעכווייז קומען זיי צוריק מיט זייער אידעאליסטישען ווילען און פעהיגקייט אויפצובויען דעם לאנג צעפאלענעם נאציאנאלען בנין פון אידישען פאלק.

די 6 יונגע לייט פון דעם „זמרה"־אנסאמבל דארפען דארום באטראכט ווערען אלס די טרובאדורען פון אונזער רענעסאנס פעריאדע.. זיי קענען פארגליכען ווערען צו די מיטעל־אלטערליכע ענטוזיאסטען פון פלארענץ, וועלכע האבען געלעגט דעם פונדאמענט פאר דער מאדערנער אפערא. א דאנק דעם, וואס זיי האבען זיך אונטערגענומען אויפצולעבען די אלט־גריכישע מוזיק־דראמא.

יעדער איינער פון דעם „זמרה" [illegible] איז אן ארטיסט אין פולען זין פון ווארט. פיעלייכט איז ניט יעדער פון זיי אזא ווירטואז ווי זייער פיאניסט בערדיטשעווסקי וועלכער ציינט ארויס א מערקווירדיגע טעכניק און וואונדערפולען סטיל אבער ארטיסטען זיינען זיי אלע. זיי האבען געשפיעלט דעם טשייקאווסקי־קווארטעט אין רע מינאר, אפוס 11 מיט אן אמת קינסטלערישער אויפפאסונג. די בארימטע „אנדאנטע קאנטאבילע" (פון דעם זעלבען קווארטעט) ווערט דורך די „זמרה"־קינסטלער אויסגעטייטשט מיט דעם גאנצען מעלאדישען ליריזם, וואס די דאזיגע מערקווירדיגע קאמפאזיציע ענטהאלט.

מיט דעם טשייקאווסקי־קווארטעט, וועלכער איז געווען דער ערשטער אויף'ן פראגראם אויף זייער קאנצערט וועלכען איך האב ביינעוואוינט, האבען זיי באוויזען, אז זיי קענען פונקט אזא ערפאלג (אויב ניט נאך א גרעסערען) מאכען מיט קלאסישע מוזיק.

זיי האבען אבער געהאט אויף דעם פראגראם א פאר זעלטען שעהנע אידישע נומערן ווי א אידישע ראפסאדיע פון אלסבערג, „כל נדרי", פאר א סיקסטעט, אראנזשירט פון דעם אידיש־רוסישען מוזיקער גוראוויטש „עלי ציון" פון צייטלין און א פאר כאראקטעריסטישע פאלקס־מעלאדיען.

אויף ווי ווייט די באגייסטערונג פון עולם האט דערגרייכט אויף יענעם קאנצערט, קען דיענען דער פאלגענדער אינצידענט:

געגענאיבער מיר איז געזעסען אן עלטערער איד פון א יאהר זיבעציג, מיט א שנעע־ווייסער בארד, מיטעלמעסיגע פאות און אין א יארמולקע, און נעבען אים איז געזעסען א אייניקעל פון א יאהר 16 — קענטיג אן אייניקעל.

ווען זיי האבען אפגעשפיעלט „כל נדרי" איז געקומען א דונער פון אפלאדיסמענטען מען האט זיי אפשר 6 מאל ארויסגערופען דאס אינגעל, וואס איז געזעסען נעבען אלטען, איז געווען איינער פון די סאמע באגייסטערטע אפלאדירער, א דאנק דעם וואס דער אלטער האט איהם געהאלטען אין איין אויפמונטערען פאטש נאך! .. פאטש זאלען זיי שפיעלען נאך..

עס פאסט ניט פאר אן אלטען אידען אליין צו פאטשען, — דאס שמעקט מיט קונדס'עריי, האט ער ווייזט אויס, געוואלט אז דאס אייניקעל זאל שוין אויך אפטאן דעם טייל קונדס'עריי, וואס ער אליין שעהמט זיך צו טאן..

גערעכט איז געווען יענער זיידע: — מ'דארף פאטשען, וואס מעהר פאטשען לכבוד די זמרה־קינסטלער און זיי אויפמונטערן פארטצוזעצען ערפאלגרייך זייער אפאסטאלישען מארש צו'ם אלט־נייעם אידישען מוזיק־קוואל.

דעטראיטער שפיגעל

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון הרואה ואינו נראה

אמת'ע מעשיות, טרויעריגע און קאמישע פאסירט אין דעטראיט'ער אידישען קווארטאל

ויברח און...

דאס, וואס איך גיי אייך איצט דערצעהלען, איז ממש ווי א געשיכטע פון טויזענד איין נאכט. און ווען איהר לעזט די מעשה אין א ראמאן אדער זעהט עס אויף דער ביהנע, וואלט איהר ניט געגלייבט, אז אזא זאך קען פאסירען אין דער ווירקליכקייט אין א גרויסער, מאדערנער שטאדט.

נאר דער הרואה ואינו נראה איז קיין פאעט נישט און ער האט פיינט צו פאנטאזירען. דאס וואס ער דערצעהלט איז גענומען פון לעבען. אין לעבען פאסירט אפט זאכען, וואס אפילו די פאנטאזיע פון א ראמאניסט אדער דראמאטורג קען נישט אויסטראכטען.

עס איז א טראגי־קאמעדיע און איך וועל דערווייל נישט אנרופען קיין אמת'ע נעמען און נישט אנגעבען קיין אדרעסען, כדי נישט צו פארשעהמען די פערזאנען, וועלכע האבען שוין גענוג חרפה געליטען.

און איצט צום עיקר המעשה:

אין איינע פון די דעטראיטער אידישע גאסען, וואס איז באדעקט מיט לויטער קליינע פריוואט־הייזלעך, וואוינען צוויי באפריינדעטע אידישע פאמיליעס. איך וויל זיי רופען ראובן'זאהן און שמעון'זאהן. די פאמיליע שמעון'זאהן וואוינט אין נומער 112 און די פאמיליע ראובן'זאהן אין 114.

די פאמיליע ראובן'זאהן האט געהאט א זוהן אויסגעוואקסען, א פיינער בחור, א שעהנער, א נערבעטענער און א פארדינער. זיין נאמען וועלען מיר זאגען איז מענדעל.

און די פאמיליע שמעון'זאהן האט געהאט א טאכטער אויסגעוואקסען א פיין מיידעל, א שעהנע, א נערבעטענע און א גוטע הויזווירטין. מיר וועלען זי רופען גנענדעל.

איז דאך גוט, האַ? און איהר מיינט אודאי, אז אזוי ווי זיי זיינען אזעלכע נאהענטע שכנים און ביידע זיינען שעהנע און פיינע און ביידע זיינען „אויסגעוואקסען" — איז געווארען א שידוך; ס'הייסט אז מענדעל האט זיך פארליעבט אין גנענדעל און גנענדעל אין מענדעל.

האט איהר, במחילה, א טעות. פארליעבט האבען זיי זיך טאקע ביידע, אבער נישט מענדעל אין גנענדעל און נישט גנענדעל אין מענדעל. מענדעל האט זיך פארליעבט אין א מיידעל נאך פון אן אנדער טייל שטאדט און גנענדעל האט זיך פארליעבט אין א בחור פון א צוואנציג גאסען ווייטער.

אבער אפט פלעגט מען פארברענגען צוזאמען. גנענדעל מיט איהר חתן און מענדעל מיט זיין כלה פלעגען זיך צונויפטרעפען אדער אין ראובן'זאהנס אדער אין שמעון'זאהנ'ס הויז. און ס'איז געווען פרעהליך און לעבעדיג.

זיינען אזוי געגאנגען טעג מיט וואכען און וואכען מיט טעג ביז מ'האט באשלאסען מיט מזל און מיט גליק צו שרייבען תנאים. און צו צופעליג, צי אפגערעדט אזוי, זיינען ביידע תנאים'ס אויסגעפאלען אויף איין דאטום. עס הייסט, אז מענדעל מיט זיין כלה און גנענדעל מיט איהר חתן האבען תנאים געשריבען אין איין אווענט.

איז עס לייטען געפעלען און מ'האט באשלאסען, אז אויך די חתונות זאלען פארקומען אין איין נאכט. פארוואס נישט? אדרבא, ס'וועט זיין פרעהליכער.

אין עטליכע וואכען שפעטער איז געפראוועט־געווארען חתונה. נו, איז געווען לעבעדיג. אין הויז 112, וואו עס וואוינט די פאמיליע שמעון'זאהן, איז געווען געפאקט מיט געסט און אין הויז נומער 114, וואו עס וואוינט די פאמיליע ראובן'זאהן איז אויך געווען „ליהודים".

אין הויז 112 האט מען געווארט אויסגעפוצטע כלה אויף איהר חתן און אין הויז 114 האט מען זיך געגרייט אוועקצופיהרען אן אויסגעפוצטען חתן צו זיין כלה אין הויז אריין וואו די חתונה צערעמאניע דארף געפראוועט ווערען.

בקיצור — מענדעלען האט מען אוועקגעפיהרט און — גנענדעל? גנענדעל ווארט. באלד וועט איהר חתן קומען. געהט אבער שעה נאך שעה און דער חתן איז נישטא. ווערט מען אומרוהיג. דער כלה'ס פנים ווערט בלאס ווי ביי א מת. די געסט שושקען זיך, טרויעריג. שיקט מען שלוחים צום חתן — לאזט זיך אויס, אז דער בחור איז ערגעץ נעלם געווארען. נישטא איהם.

שטעלט זיך אליין פאר דער כלה'ס הארץ! אבער שא! — וואס איז אין דרויסען? קומט ער? יא. ער קומט. דער חתן קומט. — גאר ווער! נישט גנענדעל'ס חתן, ס'איז מענדעל. דעם קאפ נעבאך אראפגעלאזט. ווי א אבל פשוט.

וואס איז מיט מענדעל? אוי, שרעקליך. געקומען צו דער כלה אין הויז אריין — ערשט די כלה איז נישטא. ערגעץ פארפאלען געווארען. אומזיסט געווארט שטונדען־לאנג.

ווער קען אזוי פיהלען מענדעל'ס הארץ, ווי גנענדעל? און ווער קען אזוי פיהלען גנענדעל'ס הארץ ווי מענדעל?

זיצען ביידע און זיפצען. און זיפצענדיג ווערט ביי ביידען געבוירען א מחשבה. נו, געדאנק און — הערט א געשיכטע: מענדעל און גנענדעל זיינען ארונטער אונטער'ן חופה און חתונה געהאט. שוין איינמאל געווען א שמחה.

זאגט אליין איז עס ניט א זוג פון זיין ליעבען נאמען?

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז מענדעל'ס כלה און גנענדעל'ס חתן האבען שוין לאנג געווארפען אויגען איינער אויף די אנדערע און אין געהיים געפירט א ליעבע און אין דעם טאג פון דער חתונה זיינען ביידע אוועק קיין שיקאגא און — חתונה געהאט..

א אידישע נורסערי געגרינדעט

ווערטהער רעדאקטאר פון „וועג"

אזוי ווי איך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געווען די גרינדערס פון דעם בית יתומים, יעצט שטעהט שוין דער בית יתומים אויף איין שטיקעל באדען האבען מיר זיך ארומגעזעהען אז אויסער דעם בית יתומים איז נויטיג איין דע נורסערי, ווארים קיין קינדער אונטער 4 יאהר טאר מען ניט ארינעהמען אין בית יתומים. יעצט איז די פראגע וואס וועט מען טאן מיט די קליינע קינדער אונטער 4 יאהר, וועמעס מוטער אדער פאטער שטארבען חלילה, ווען דער פאטער שטארבט און די מוטער וויל געהן ארבייטען, האבען מיר געגרינדעט איין נורסערי ווען די מוטער וויל געהן ארבייטען און אבערלאזען איהרע קינדער זאל זי ברענגען אין דער פריה די קינדער און אויף דער נאכט זיי אהיים נעהמען און איין נוירסערי פאר קליינע קינדער יתומים'לאך פון איין טאג ביז 4 יאהר נעהמען מיר זיך אונטער מיט גאטס הילף און די הילף פון גוטע מענשען מעמבערס, זאלען מיר עס קענען אויספיהרען פאר איין נוירסערי עס פעהלט נאר געלד. מיר האבען צו קויפען איין פאסיגע הויז. געלד? אבער ווער וועט זיך אפגעבען צו געבען פאר אזא הייליגען צוועק ווי א נוירסערי. מיר וועלען רופען גלייך איין מיטינג, מעמבערס און נייע מעמבערס זאלען קומען צו דיעזען וויכטיגען מיטינג פיר דער גרינדונג פון א נורסער און דעי נוירסערי.

די גרינדער זענען ווי פאלגט:

מרס. ראטענבערג
מרס. ראטה
מרס. העגרי
מרס. ראדין
מרס. לאד
מרס. שאפירא
מרס. פאליק
מרס. האלצמאן
מרס. ווינגאר

פאר מעהר איינצעלהייטען ווענדעט זיך צום „וועג".

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דעטראיטער כשר האספיטאל דארף באלד געבויט ווערען

דאס געכטיגע לייט־ארטיקעל קען דיענען פאר א הקדמה צו דעם היינטיגען ארטיקעל, אדער צו דער גאנצער רייהע ארטיקלען וואס מיר האבען בדעה צו דרוקען איף דיעזען פלאץ מכח די דעטראיטער אידישע אינסטיטוציעס, וואס מיר האבען שוין דא און מכח די פיעלע, וואס פעהלען ביי אונז אדער די, וואס האלטען זיך אין בויען זייט יאהרען, און וועלכע מען נויטיגט זיך אין וועלכע, גאט ווייסט נאר וואס פאר אן אורזאכען, זיי זיינען ביז איצט געבליבען עקזיסטירען.. אויף פאפיר.

מיר ווילען ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די לעזער אויף דעם באריכט, וואס ווערט געדרוקט אויף אן אנדער פלאץ אין דיעזען נומער פון דער „היברו האספיטאל אסאסיאיישאן“.

די דאזיגע „אסאסיאיישאן“ איז שוין אלט אן אכט יאהר, זאגט מען אונז.

אבער מעהר ווי פאפירענע טעטיגקייט זעהט מען נישט פון איהר.

און ווען עס זאל אונז ערלויבט זיין וואלטען מיר דאס היינטיגע לייט־ארטיקעל איינגעניצט אין אן אפענעם בריעף צו דער „באארד אף דירעקטארס“ פון דיזער ארגאניזאציע, און מיר וואלטען זיי געפרעגט וואס האט איהר אין די אכט יאהר פון אייער עקזיסטענץ אויפגעטאן?

אין דעם באריכט זאגט זיך, אז מאן און פרוי, צו וועמען מען ווענדט זיך, האט נאך קיינער זיך נישט ענט־אנט פון צו ווערען א מיטגליעד פון דער ארגאניזאציע.

און ווען דיזע פאאר שורות זאלען אפילו אינם באריכט נישט שטעהן, וואלטען מיר אויך געוואוסט אז אין אזא צענטער ווי דעטראיט וועט קיין שום מאן אדער פרוי נישט קארגען די דריי אדער צעהן דאלאר א יאהר אויף צו ווערען א מיטגליעד אין אן ארגאניזאציע, וואס נעהמט זיך אונטער אזא וויכטיגע און נאבעלע סאט, ווי אויפבויען א אידישען שפיטאל.

און נאך שטערער: ווען עס קומט צו אונז אימיצער און זאגט אונז אז מען קען אין דעטראיט נישט מאכען קיין מיטגליעדער פאר אזא וויכטיגער ארגאניזאציע, וואלטען מיר איהם נישט געגלויבט.

און איבערהויפט איצינד.

איצינד, ווען מיר דארפען זיך ריכטען אז סוף כל סוף וועט זיך דער פארשלאסענער אימיגראציאנס טויער איפשליסען און אונזערע פארפלאגטע קרובים און חברים פון יענער זייט ים וועלען קומען צו אונז. און עס ליגט דערום אויף אונז א חוב פון איצט אן צו שאפען אלע יענע אינסטיטוציעס, וועלכע עס וועט זיי אויסקומען צו באנוצען אין פאל פון א נויט.

איצינד, ווען אין דעטראיט, מיר מיינען אין דעם אידישען דעטראיט לעבט זיך בשפע; ווען מען איז פיבלת צו שאפען און העלפען שאפען די נויטיגע אינסטיטוציעס.

טא וואראם זשע שטעהט „די היברו האספיטאל אסאסיאיישאן“ אויף איין פלאץ און באוועגט זיך נישט מיט ממשות'דיגע ארבייט?

אכט יאהר איז אלט די דאזיגע ארגאניזאציע.

און מעג זי אלט זיין צעהן מאהל מעהר, וועט זי ווייט/נישט אוועק, אויב זי וועט נישט ווייזען קיין מעשים, מעשים ממש.

עס איז איפגעשטעלט געווארען דא א בית יתומים מיט ערפאלג, נאר דערפאר וואס די ארגאניזאציע, וואס האט זיך מיט דיעזער אינסטיטוציע מתעסק געווען, האט זיך ווייניג מפלפל געווען און געטאן ארבייט. אויף וועלכע מען האט געקענט אנווייזען, אז אט איז א בנין, און אויף דעם דאזיגען בנין פאדערט זיך שטיצע.

מיר מיינען דערמיט צו זאגען, אז כל זמן דאס פלאץ, דער לאט וועט שטעהן נאקעט, כל זמן דער עולם וועט נישט זעהן קיין ציגעל און קיין לייט און קיין מיליערס און קיין סטאליארס וועט די ארבייט אנגעהן נאכלעסיג, די געלדער וועלען אריינקומען אין קאסע, ווי פעך געצויגען פון אן איבערבעט.

און לאזט אונז שוין אויך זאגען, אז די טויער פון דעם שפיטאל דענקען גאר אז עס וואלט פיעל גלייכער געווען איפצוגעבען דעם פלאן פון בויען א שפיטאל אויף דעם געקויפטען לאט, ווייל ער שטעהט אין א געדיכט באזעצטען געגענד. עס וואלט — דענקען זיי — גלייכער געווען צו פארקויפען דאס פלאץ און פאר דעם געלד, וואס זיי קענען איצט באקומען פאר דעם לאט, קענען זיי א גרעסער שטיק לאנד קויפען אויסערן שטאדט און עס זאל נאך קלעקען א געניגענדע סומע אויף א התחלת הבנין.

וואראם זשע ווערט דאס נישט געטאן?

איז דען נישט איבעריג אפילו איין טראפען טינט צו פארליערען אום צו איבערצייגען דאס וויכטיגקייט פון א כשר'ן שפיטאל אין אזא גרויסען אידישען צענטער, ווי דעטראיט איז געווארען אין די לעצטע פאר יאהר?

איז דען נישט איבעריג ארויסצוקומען אצינד מיט א בקשה צו די היגע אידען, אז זיי זאלען שטיצען אזא נייטווענדיגע אונטערנעהמונג?

עס איז באקאנט, אז די דערמאנטע שפיטאל ארגאניזאציע האט מפני במה טעמים, וואס זיינען גוט באוואוסט, נישט געקענט זיין אזוי טעטיג אין די מלחמה יאהרען; על כל פנים גיבען די דירעקטארען אליין צו, אז פון יאהר 1916 איז כמעט גארנישט געטאן געווארען ביז די לעצטע פאר חדשים.

איז עס דערום אונזער עצה, אז דאס דירעקטאריום זאל אויף איינעם פון איהרע נעקסטע מיטינגען אננעהמען א באשלוס פון באלדיגער ממשות'דיגער טעטיגקייט. מיר מיינען דערמיט פשוט א טעטיגקייט פון ליים און ציעגעל, מיליארס און סטאליארס. און ווען זיי וועלען אזא התחלה מאכען, זאלען זיי דאן ארויסקומען צו די דעטראיטער אידען מיט אן אויפרוף פאר שטיצע און אט וועלען זיי דעמאלט ערשט דערזעהן ווי וואַרים עס וועט זיך אפרופען די היגע אידען.

ווארים מיר זיינען זיכער אז ווען דער עולם זעהט אן ערנסטע טעטיגקייט, רופט ער זיך אפ ערנסט און אויפריכטיג.

עס פארשטעהט זיך אז מיר וועלען גערן אפגעבען פלאץ פאר די דירעקטארען און זייער פרעזידענט פאר אן ערקלעהרונג, וואחרום זיי קענען אונזער אויפפאדערונג נישט נאכקומען.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)

קאלט

פערי, דער בארימטער רייזענדער פון קאלטע לענדער און אנטדעקער פון נארד־פאל, איז לעצטע וואך געשטארבען אין וואשינגטאן.

עס איז צו האפען, אז די מענשהייט וועט נישט בלייבען קאלט צום טויט פון דעם רייזענדען פון קאלטע לענדער..

* * *

א נייער באלשעוויק

לעניז האט „דראטלאז“ ערקלעהרט פאר א קארעספאנדענט, אז די באלשעוויקעס זענען העכסט צופרידען פון די רעוואלוציאנערען, וואס אמעריקא שיקט זיי ארויס.

אזא געפעהרליך לאנד, אמעריקא! טאמער האבען די באלשעוויקעס ווייניג קרעפטען, שיקט אמעריקא זיי צו נאך קרעפטען — צו פארשטארקען די באלשעוויסטישע רייהען.

נישט אנדערש, אז סענאטאר לוסק איז א באהאלטענער באלשעוויק.

* * *

גייסטיגע בהמות

סער אליווער לאדוש האט אין זיינער א לעקטשור איבער ספיריטואליזם ערקלעהרט, אז אויך בהמות און אינזעקטען זענען אומשטערבליך.

איצט וועט מען אויך קענען זאגען: „דאס אומשטערבליכע פערד“, „דער אומשטערבליכער אקס“, אדער „דער אומשטערבליכער פופערנאטער“.

* * *

אן עצה די באלשעוויקעס

די באלשעוויסטישע רעגירונג אין רוסלאנד האט, לויט א מעלדונג פון קאפענהאגען, שטרענג פארבאטען צו שפילען אין קארטען, אפילו אין פריוואטע וואוינונגען.

קיין וואונדער נישט: אין קארטען איז אך פאראן א „מלך“ מיט א „מלכה“ — א ווי קענען די באלשעוויקעס דאס דולדען?

אבער — זיי האבען דאך געקענט אן עצה זיך געבען: אנשטאט א מלך מיט א מלכה, האבען זיי געקענט איינפיהרען אין דעם קארטען־שפיעל א „פאלקס - קאמיסאר“ מיט א „פאלקס - קאמיסארשע“...

* * *

מ'דארף איהם נאכמאל

לאנסינג, דערצעהלט ראובן פינק, איז געווען אן אנטיסעמיט און א געגנער פון א אידענשטאט אין ארץ ישראל, און איינמאל האט ער געשריבען ווילסאן'ען אז די קריסטליכע וועלט וועט נישט דולדען, אז מ'זאל פאלעסטינא אוועקגעבען דעם פאלק, וואס האט געקרייציגט יעזוס קריסטוס'ן.

אויב אזוי, וואלטען מיר געוואונשען, אז ווילסאן זאל איהם צוריק אריינגעהמען אין קאבינעט — כדי איהם צו קענען נאכאמאל ארויסוואַרפען..

* * *

ווא קומען זיי טאקע אהין?

קאנאן דאיל, דער שרייבער פון די דעטעקטיוו - געשיכטען און ספיריטואליסט, האט ערקלעהרט, אז אויף יענער וועלט זענען נישטא קיין אלטע מיידלעך.

פרעגט זיך: וואו קומען אהין אלע אלטע מיידלעך, וואס שטארבען — נאך א חתן ..

* * *

א נייע השערה

א פראפעסאר — אוי, די פראפעסארען — איז ארויסגעקומען מיט אן ערקלעהרונג, אז די אינפלוענציע האבען מיר איבערגענומען פון אנדערע פלאנעטען.

גאנץ נאטירליך: אז מ'זיצט אין א ווינטערדיגער נאכט מיט א געליעבטער אונטער'ן פרייען הימעל און מ'קוקט צו די שטערען, קען מען גאנץ לייכט כאפען די אינפלוענציע ..

* * *

נישט מוזיקאליש

א נייער קלאנג האט זיך פארשפרייט — דאס מאל אין רוים — אז לענין איז ערמארדעט געווארען.

דער לעניז איז גארנישט מוזיקאליש: ער הערט אזוי פיעל קלאנגען וועגען זיין טויט, און ער — ס'זאל איהם עפעס א ריהר טאן.

* * *

דעם ווינטער'ס זכיה

אין ירושלים איז אויסגעפאלען א שניי אויף 39 אינטשעס די חויף. דאס איז דארטען אן איבערראשענדע נייעס.

דער פאעט פון אונזער רעדאקציע באמערקט אויף דעם: דער ווינטער האט גע'טענה'עט פאר'ן רבונו של עולם: אלע מענגען קומען קיין ארץ ישראל, דער פריהלינג, דער זומער, דער הערבסט; דער האגעל. נאר איך דער ווינטער האב נישט די זכיה צו זיין אמאל אין הייליגען לאנד.

פון הימעל איז דאן געקומען אן ערלויבעניש אז דער ווינטער זאל מאכען א וויזיט אין ארץ ישראל און דער ווינטער האט נישט לאנג געווארט און מיט זיינע שנייפען צוגעפאלען צו דער ארץ ישראל ערד.

ווי געפעלט אייך אונזער פאעט'ס פאנטאזיע? ..

* * *

וואס ארט עס איהם?

קלעמאנסא איז נאך אלץ פאר דעם אנצופיהרען דעם קאמף געגען די באלשעוויקעס. ווי עס ווערט געמעלדעט, זאל ער האבען געזאגט אז די באלשעוויקעס קענען באקעמפט ווערען מיט דער פוילישער ארמיי.

מען מוז צוגעבען אז דער ציינלאזער „טיגער“ איז דער גרעסטער וועלט דעמאקראט, ער איז בארייט צו קעמפען פאר דער וועלט דעמאקראטיע ביז צום לעצטען פאליאק . .

* * *

איסשיסען און אויסשליסען

גענעראל בליס האט רעדענדיג וועגען ריסלאנד ערקלעהרט אז קיין אידעע קאן מען נים אויסשיסען.

די דיפלאמאטען פון דער ניו־יארקער אסעמבלי ווי עס שיינט דענקען אז אויסשליסען אן אידעע קאן מען יא.

* * *

מיר פארגינען איהר.

מארשאל פאש — זאגט מען — איז איצט אין ווארשא, ער איז אוועק אהין צו ארגאניזירען די פוילישע ארמעע פאר א מאך געגען די באלשעוויקעס.

עס קומט דעם פראנצויזישען פעלד - מארשאל א יישר כח, זאל ער מאכען פון די קען אזא שטארקע מיליטערישע מאכט, אז זי זאל שפעטער זיך פיהלען בכח צו ארויסגעהן אין קריעג געגען דער גאנצער וועלט, פונקט ווי דייטשלאנד האט עס געטאן...

* * *

א סוד

א פיער און צוואנציג יעהריגע מיידעל האט געהייראטעט פיער מענער.

טויזענטער מיידלאך וואלטען וועלען וויסען דעם סוד פון איהר קונסט.

* * *

ווי קומט עס?

מיר האבען שוין געהערט א סך אידישע פון די קאנדידאטען צו דער פרעזידענטשעל נאמינעישאן, נאר אז איינער פון זיי זאל מאכען דעם יקרות פאר אן אישו הערט מען עפעס נישט.

וואס'ז די מעשה?

* * *

היט די פאקעטס

מעיאר קאוזענס האט שוין באשטעטיגט אז אין דעטראיט זיינען נישטא קיין גנבים.

נו, איצט מעגט איהר שוין זיכער זיצען אין הייז מיט א רעוואלווער אין האנד באלד ווי ס'פארגעהט די זונן און אז איהר געהט אין גאס, היט די פאקעטס!

„הזמרה“

דורכפאהרענדיג פאראכטאגען זונטאג מאנטרעאל, קאנאדא, האב איך געהאט די געלעגענהייט צו הערען דעם „זמרה“ - אנסאמבל, וועלכער פאהרט יעצט ארום איבער דער גאנצער וועלט מיט א מין „אפאסטאלישער“ מיסיאן צו באשאפען א סענטימענט פאר אן איגענארטיג־אידישער מוזיק.

און אזוי ווי דער דאזיגער אנסאמבל וועט אויך זיין דא אין דעטראיט דעם 7־טען מערץ, וועט עס דארום זיין גאנץ צייטמעסיג איבערצוגעבען מיין פערזענליכען איינדרוק און די אלגעמיינע שטימונג וואס דער „זמרה“ - קאנצערט האט געשאפען אויף די אידישע צוהערער פון מאנטרעאל.

איבערגעפאקט איז געווען דער „היז מעדזשעסטי'ס“ טעאטער. אידען פון „אפטאון“ און „דאונטאון“, יונג און אלט, פארביסענע ראדיקאלען און פאנאטישע שוהל־אידען — אלע זיינען געקומען הערען דעם „קול מבשר“; געקומען באגעגנען די ערשטע שוואלב פון א מוזיקאלישען „יציאת מצרים“ ביים אידישען פאלק.

דאס אידישע פאלק איז אין גלות; די אידישע תורה, אדער בעסער געזאגט, די אידישע קולטור איז אין גלות. אבער פיעל ערגער ווי גלות דארף זיין דער גיהנום, און — דארטען איז די אידישע מוזיק ..

און אפשר דארטען אויך נים ?.. איז דען דא אזא זאך ווי א אידישע מוזיק?

אויבען אויף קען דער דאזיגער ספק אויסקומען נים בארעכטיגט. מען קען עס גלייך פארענטפערען מיט'ן אלטען תירוץ, אז — מוזיק איז דער אויסדרוק פון די שעהנסטע מענשליכע געפיהלען, די אומדעפיניטיווע „שפראך פון דער נשמה“. איז ממה נפשך, זיינען אידען א פאלק מיט כאראקטעריסטיש־איינענארטיגע נאציאנאלע שטריכען, דאן מוזען זיי דאך שוין במילא באזיצען אן איינענארטיגען מוזיק־קוואל.

דאס איז אן עלעמענטארער אמת וואס קען נים אפגעלייקענט ווערען. נאך מעהר: איך אליין גלויב באמונה שלמה, צוזאמען מיט אלע „אתה בחרתנו“־אידען, אז דער אידישער מוזיק - קוואל איז פיעל טיפער און אומדערשעפליכער ווי אלע אנדערע קוואלען; אבער אין דער זעלבער צייט בין איך אויך איבערצייגט, אז אום צו קענען געניסען פון א ערשמאקען קוואל, דארף מען גראבען און קולטיווירען קאנאלען, וואס זאלען פליסען ווייט און ברייט — אלעמען דערקוויקען און דאך האבען אלס מיטעל - פונקט דעם הויפט - קוואל..

אבער נים אזוי איז ליידער מיט דער אידישער מוזיק. פון דעם אידישען קוואל איז געווארען א קאלוזשע, וואס האט זיך צעפלאסען — אהן א שום באלעבאטישען סדר — איבער יעדען גלות - ווינקעל; זיך „צונויפגעוואסערט“ מיט פרעמדע קאנאלען, וואס פליסען פון פרעמדע קוואלען און — דער רעזולטאט איז: מענדעלסאן איז א דייטש, מייערבער — א פראנצויז; רובינשטיין — א רוס; עלמאן — א רוסישער ווירטואז און יאשא חפץ — א „ראשיען דזשיניוס“...

צו אונזער קרעדיט רעכענט מען בלויז צו די פעדלערס, וואס שרייען: „רעגס“, „באטלס“ און די באלשעוויקעס, וועלכע זיינען שונאים פון דעמאקראטיע און פון דער מערב אייראפעאישער קולטור..

* * *

דאס אידישע פאלק לעבט יעצט דורך א רענעסאנס. ביסלעכווייז באשאפט זיך צווישען די ברייטע מאסען, אזוי גוט ווי ביי דער אינטעליגענץ, דאס, וואס דר. זשיטלאווסקי, רופט אן „א געזונטער נאציאנאלער ווילען“. — א ווילען זיך צו באפרייען הן־פון פיזישער און הן פון גייסטיגער שקלאפעריי.

די בעסטע קינדער פון פאלק האבען דערפיהלט דאס אחריות פון דער צייט און ביסלעכווייז קומען זיי צוריק מיט זייער אידעאליסטישען ווילען און פעהיגקייט אויפצובויען דעם לאנג צעפאלענעם נאציאנאלען בנין פון אידישען פאלק.

די 6 יונגע לייט פון דעם „זמרה“ - אנסאמבל דארפען דארום באטראכט ווערען אלס די טרובאדורען פון אונזער רענעסאנס פעריאדע.. זיי קענען פארגליכען ווערען צו די מיטעל־אלטערליכע ענטוזיאסטען פון פלארענץ, וועלכע האבען געלעגט דעם פונדאמענט פאר דער מאדערנער אפערא. א דאנק זיי, וואס זיי האבען זיך אונטערגענומען אויפצולעבען די אלט־גריכישע מוזיק - דראמא.

יעדער איינער פון דעם „זמרה“ [illegible] איז אן ארטיסט אין פולען זין פון ווארט. פיעלייכט איז נים יעדער פון זיי אזא ווירטואז ווי זייער פיאניסט בערדיטשעווסקי וועלכער ציינט ארויס א מערקווירדיגע טעכניק און וואונדערפולען סטיל אבער ארטיסטען זיינען זיי אלע. זיי האבען געשפיעלט דעם טשייקאווסקי - קווארטעט און רע מינאר, אפוס 11 מיט אן אמת קינסטלערישער אויפפאסונג. די בארימטע „אנדאנטע קאנטאבילע“ (פון דעם זעלבען קווארטעט) ווערט דורך די „זמרה“ - קינסטלער אויסגעטייטשט מיט דעם גאנצען מעלאדישען ליריזם, וואס די דאזיגע מערקווערדיגע קאמפאזיציע ענטהאלט.

מיט דעם טשייקאווסקי - קווארטעט, וועלכער איז געווען דער ערשטער אויף'ן פראגראם אויף זייער קאנצערט וועלכען איך האב ביינעוואוינט, האבען זיי באוויזען, אז זיי קענען פונקט אזא ערפאלג (אויב נים נאך א גרעסערען) מאכען מיט קלאסישע מוזיק.

זיי האבען אבער געהאט אויף דעם פראגראם א פאר זעלטען שעהנע אידישע נומערען ווי א אידישע ראפסאדיע פון אלסבערג „כל נדרי“, פאר א סיקסטעט, אראנזשירט פון דעם אידיש - רוסישען מוזיקער גודאוויטש „עלי ציון“ פון צייטלין און א פאר כאראקטעריסטישע פאלקס־מעלאדיען

אויף ווי ווייט די באגייסטערונג פון עולם האט דערגרייכט אויף יענעם קאנצערט, קען דיענען דער פאלגענדער אינצידענט:

גענענאיבער מיר איז געזעסען אן עלטערער איד פון א יאהר זיעבעציג, מיט א שנעע־ווייסער בארד, מיטעלמעסיגע פאות און אין א יארמולקע, און נעבען אים איז געזעסען א איינגעל פון א יאהר 16 — קענטיג אן אייניקעל.

ווען זיי האבען אפגעשפיעלט „כל נדרי“ איז געקומען א דונער פון אפלאדיסמענטען מען האט זיי אפשר 6 מאל ארויסגערופען דאס איינגעל, וואס איז געזעסען נעבען אלטען, איז געווען איינער פון די סאמע באגייסטערטע אפלאדירער, א דאנק דעם וואס דער אלטער האט איהם געהאלטען אין איין אויפמונטערען: פאטש נאך! .. פאטש זאלען זיי שפיעלען נאך..

עס פאסט נים פאר אן אלטען אידען אליין צו פאטשען, — דאס שמעקט מיט קונדס'עריי, האט ער ווייזט אויס, געוואלט אז דאס אייניקעל זאל שוין אויך אפטאן דעם טייל קונדס'עריי, וואס ער אליין שעהמט זיך צו טאן..

נערעכט איז געווען יענער זיידע: — מ'דארף פאטשען, וואס מעהר פאטשען לכבוד די זמרה - קינסטלער און זיי אויפמונטערן פארטצוזעצען ערפאלגרייך זייער אפאסטאלישען מארש צו'ם אלט־נייעם אידישען מוזיק - קוואל.

דעטראיטער שפיגעל

אמת'ע מעשיות, טרויעריגע און קאמישע פאסירט אין דעטראיט'ער אידישען קווארטאל

ויברח און...

דאס, וואס איך געה אייך איצט דערצעהלען, איז ממש ווי א געשיכטע פון טויזענד און איין נאכט. און ווען איהר לעזט די מעשה אין א ראמאן אדער זעהט עס אויף דער ביהנע, וואלט איהר נים געגלייבט, אז אזא זאך קען פאסירען אין דער ווירקליכקייט און א גרויסער, מאדערנער שטאדט.

נאר דער רואה ואינו נראה איז קיין פאעט נישט און ער האט פיינט צו פאנטאזירען. דאס וואס ער דערצעהלט איז גענומען פון לעבען. אין לעבען פאסירט אפט זאכען, וואס אפילו די פאנטאזיע פון א ראמאניסט אדער דראמאטורג קען נישט אויסטראכטען.

עס איז א טראגי־קאמעדיע און איך וועל דערווייל נישט אנרופען קיין אמת'ע נעמען און נישט אנגעבען קיין אדרעסען, כדי נישט צו פארשעהמען די פערזאנען, וועלכע האבען שוין געגוג חרפה געליטען.

און איצט צום עיקר המעשה:

אין איינע פון די דעטראיט'ער אידישע גאסען, וואס איז בארעקט מיט לויטער קליינע פריוואט־הייזלעך, וואוינען צוויי באפריינדעטע אידישע פאמיליעס. איך וויל זיי רופען ראובן'זאהן און שמעון'זאהן. די פאמיליע שמעון'זאהן וואוינט אין נומער 112 און די פאמיליע ראובן'זאהן אין 114.

די פאמיליע ראובן'זאהן האט געהאט א זוהן אויסצוגעבען, א פיינער בחור, א שעהנער, א געראטענער און א פארדיענער. זיין נאמען וועלען מיר זאגען איז מענדעל.

און די פאמיליע שמעון'זאהן האט געהאט א טאכטער אויסצוגעבען א פיין מיידעל, א שעהנע, א געראטענע און א גוטע הויזווירטין. מיר וועלען זי רופען גנענדעל.

איז דאך גוט, הא? און איהר מיינט אודאי, אז אזוי ווי זיי זיינען אזעלכע נאהענטע שכנים און ביידע זיינען שעה־נע און פיינע און ביידע זיינען „אויס־צוגעבען“ — איז געווארען א שידוך; ס'הייסט אז מענדעל האט זיך פארליעבט אין גנענדעל און גנענדעל אין מענדעל.

האט איהר, במחילה, א טעות. פארליעבט האבען זיי זיך טאקע ביידע, אבער נישט מענדעל אין גנענדעל און נישט גנענדעל אין מענדעל. מענדעל האט זיך פארליעבט אין א מיידעל נאר פון אן אנ־דער טייל שטאדט און גנענדעל האט זיך פארליעבט אין א בחור פון א צוואנציג גאסען ווייטער.

אבער אפט פלעגט מען פארברענגען צוזאמען. גנענדעל מיט איהר חתן און מענדעל מיט זיין כלה פלעגען זיך צונויפטרע־פען אדער אין ראובן'זאהנס אדער אין שמעון'זאהנ'ס הויז, און ס'איז געווען פרעהליך און לעבעדיג.

זיינען אזוי געגאנגען טעג מיט וואכען און וואכען מיט־טעג ביז מ'האט באשלאסען מיט מזל און מיט גליק צו שרייבען תנאים, און צו צופעליג, צי אפגערעדט אזוי, זיינען ביידע תנאים'ס אויסגעפאלען אויף איין דאטום. עס הייסט, אז מענדעל מיט זיין כלה און גנענדעל מיט איהר חתן האבען תנאים געשריבען אין איין אווענט.

איז עס לייטען געפעלען און מ'האט באשלאסען, אז אויך די חתונות זאלען פארקומען אין איין נאכט. פארוואס נישט? אדרבא, ס'וועט זיין פרעהליכער.

אין עטליכע וואכען שפעטער איז גע־פראוועט געווארען חתונה. נו, איז געווען לעבעדיג. אין הויז 112, וואו עס וואוינט די פאמיליע שמעון'זאהן, איז געווען גע־פאקט מיט געסט און אין הויז נומער 114, וואו עס וואוינט די פאמיליע ראובן־זאהן איז אויך געווען „ליהודים“.

אין הויז 112 האט געווארט אן אויס־געפוצטע כלה אויף איהר חתן און אין הויז 114 האט מען זיך געגרייט אוועק־צופיהרען אן אויסגעפוצטען חתן צו זיין כלה אין הויז אריין וואו די חתונה צערע־מאניע דארף געפראוועט ווערען.

בקיצור — מענדלען האט מען אוועק־געפיהרט און — גנענדעל? גנענדעל ווארט. באלד וועט איהר חתן קומען. געהט אבער שעה נאך שעה און דער חתן איז נישטא. ווערט מען אומרוהיג. דער כלה'ס פנים בלאס, ווי ביי א מת, די געסט שושקען זיך. טרויעריג. שיקט מען שלוחים צום חתן — לאזט זיך אויס, אז דער בחור איז ערגעץ נעלם געווארען, נישטא איהם.

שטעלט זיך אליין פאר דער כלה'ס הארץ! אבער שא! — וואס איז אין דרויסען? קומט ער? יא, ער קומט, דער חתן קומט. — גאר וועה! נישט גנענדעל'ס חתן, ס'איז מענדעל דעם קאפ נעבאך אראפגעלאזט, ווי אן אבל פשוט.

וואס איז מענדעל? אוי, שרעקליך. גע־קומען צו דער כלה אין הויז אריין — ערשט די כלה איז נישטא. ערגעץ פאר־פאלען געווארען. אומזיסט געווארט שטונ־דען־לאנג.

ווער נאך קען אזוי פיהלען מענדעל'ס הארץ, ווי גנענדעל? און ווער קען אזוי פיהלען גנענדעל'ס הארץ ווי מענדעל?

זיצען ביידע און זיפצען. און זיפצענ־דיג ווערט ביי ביידען געבוירען א מאד־נער געדאנק און — הערט א געשיכטע: מענדעל און גנענדעל זיינען ארונטער אונ־טער'ן חופה און חתונה געהאט. שוין איינמאהל געווען א שמחה.

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)
פון הרואה ואינו נראה

זאגט אליין איז עס נים א זווג פון זיין ליעבען נאמען?

— — — — — — — — — —

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז מענדעל'ס כלה און גנענדעל'ס חתן האבען שוין לאנג געווארפען אויגען איינע אויף די אנדערע און אין געהיים געפירט א ליעבע און אין דעם טאג פון דער חתונה זיינען ביידע אוועק קיין שיקאגא און — חתונה געהאט..

א אידישע נוירסערי געגרינדעט

ווערטהער רעדאקטאר פון „וועג“

אזוי ווי איך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געווען די גרינדערס פון דעם בית יתומים. יעצט שטעהט שוין דער דער בית יתומים אויף איין שטיקעל באדען האבען מיר זיך ארומגעוועהען אז אויסער דעם בית יתומים איז נויטיג איין רע נורסערי, ווארים קיין קינדער אונטער 4 יאהר טאר מען נים ארינעהמען אין בית יתומים. יעצט איז די פראגע וואס וועט מען אטן מיט דיקלינע קנדער אונטער 4 יאהר, וועמעס מוטער אלער פאטער שטארבען חלילה, ווען דער פאער שטארבט און די מוטער וויל געהן ארבייטען, האבען מיר געגרינדעט איין דעי נורסער ווען די מוטער וויל געהן ארבייטען און אבערלאזען איהרע קינדער זאל זי ברענגען אין דער פריה די קינדער און אויף דער נאכט זיי אהיים נעהמען און איין נוירסערי פאר קליינע קינדער יתומים'לאך פון איין טאג ביז 4 יאהר נעהמען מיר זיך אונטער מיט גאטס הילף און די הילף פון גוטע מענשען מעמבערס, זאלען מיר עס קענען אויספיהרען פאר איין נוירסערי עס פעהלט נאר רען. מיר האבען צו קויפען איין פאסינע געלד. געלד? אבער־ווער וועט זיך אפזאגען צו געבען פאר אזא הייליגען צוועק ווי א נוירסערי. מיר וועלען רופען גלייך איין מטנג, מעמבערס און נייע מעמבערס זאלען קומען צו דיעזען וויכטיגען מיטינג פיר דער גרינדונג פון א נורסערי און דעי נוירסערי.

די גרינדער זענען ווי פאלגט:

מרס. ראטענבערג
מרס. ראטה
מרס. העגרי
מרס. ראדין
מרס. לאד
מרס. שאפירא
מרס. פאליק
מרס. האלצמאן
מרס. וווגנאר

פאר מעהר איינצעלהייטען וואטשט דעם „וועג“.

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)
פון ישראל ראבינאוויטש

פריהער פארדאמט און דערנאך פאר'געטערט

(באארבייט ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון בן דניאל

די געשיכטע זוכט אויסצובעסערן א גרויסע רעה וואס איז געטאן געווארען צו דער יונגפרוי פון ארלעאנס, מיט 500 יאהר צוריק, ווען זי האט געפיהרט די פראנצויזישע סאלדאטען אויף ענגלאנד.

היינטיגען שבת ווערט 490 יאהר זינט עס האט זיך אנגעהויבען דער פראצעס אויף דזשאן דע ארק — דאס פראנצויזישע בויערען-מיידעל, וואס האט א באגייסטערטע באוויזען אויך צו באגייסטערען די פראנצויזען און זיי פיהרען אויף ענגלאנד.

ווי א סך העלדען האט זיך דאס לעבען פון ד'ארק געענדיגט זעהר טראגיש: — זי איז געשטארבען אויף'ן שייטערהויפען, א מארטירער-טויט, נאכדעם ווי מען האט זי ערקלעהרט אלס א מכשפה.

איצט אין 500 יאהר ארום וועט גוטגעמאכט ווערען דער דאזיגער פעהלער. די קאטוילישע קירכע, מיט דעם רוימישען פאפסט אן דער שפיצע האט באשלאסען ארויפצושטעלען דזשאן דע-ארק אויף'ן קאלענדאר צווישען די סעינטס (הייליגע) און איהר נאמען וועט יעדעס יאהר דערמאנט ווערען מיט עהרפורכט און זי וועט בלייבען פארגעטערט.

עס איז אזוי נאטירליך וואס דזשאן דע-ארקס פארגעטערונג זאל קומען גראדע פון די קאטוילי קען און זייער פאפסט, ווייל נאר דער פוילישער קירכע צו פארדאנקען האט זיך איהר לעבען געענדיגט אזוי טראגיש.

דער בישאף פון ביוואווי, א ווערקצייג אין די הענט פון דער ענגלישער רעגירונג אין יענער צייט, האט די יונגפרוי פאראורטיילט און מען האט געוואוסט, אז דאס איז נאר רעדפאר, ווייל ווען ניט די יונג פרוי מיט איהר העלדענמוט און הייסע כמעט איבערמענשליכע ליעבע צו איהר לאנד, פראנקרייך, וואלטען די ענגלישע ניט געקענט דעמאלט ליידען אזא נידערלאגע.

דער אמת איז, אז אין 24 יאהר ארום האט דער פאפסט שוין ארויסגעטראגען אן אורטייל אז די יונג-פרוי איז געווען ווייט פון צו זיין א מכשפה, און איהר נאמען איז דעמאלט אפגעוואשען געווארען. און איצט, נאכדעם ווי מעהר ווי פיער יאהרהונדערטע זענען אריבער איז נאכאמאל ארייגעטראגען געווארען אז אפילו צו דעם פאפסט, אז עטוואס מעהר ווי אפוואשען איהר נאמען האט די יונג-פרוי פון ארלעאנס פארדיענט ביי דער קאטוילישער וועלט. און אין 1909 האט פיוס דער 10טער פארעפענטליכט א דעקרעט, אז די יונג-פרוי האט פארדיענט פארגעטערט צו ווערען.

ווידער איז אריבער אצעהנדליג יאהר און פאריגען מארטש זענען ענדליך פארעפענטליכט געווארען די שליסליכע פאפירען וואס לויטען אז דער טאג, ווען דזשאן דע-ארק איז פאר'משפט געווארען, זאל ערקלעהרט ווערען יעדען יאהר אלס א הייליגער יאהרצייט.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט ווערט איצט ווידער אויפגעמישט און איבערגעדרוקט די געשיכטע פון דזשאן דע-ארק, די ערלייזערין פון פראנקרייך וואס, ווען זי איז קוים אלט געווען 14 יאהר האט זי — לויט דער לעגענדע — געהערט ווי עס רופט צו איהר א שטימע, אז זי זאל געהן און ראטעווען פראנקרייך פון די ענגלענדער וואס האבען דאן געהאלטען מלחמה מיט פראנקרייך און זענען שוין געווען נאהענט צום זיעג. דריי יאהר נאכאנאנד האט זי געהערט ווי די שטימע רופט צו איהר און, ענדליך האט זי געפאלגט די שטימע. דערנאך, האט זי אנגעפיהרט דאס מיליטער ביז צום זיעג פון ארלעאנס און געהאלפען קרוינען טשארלס דעם זיבעטען.

אזוי ווייס געהט די געשיכטע וועגען דעם טריאומף פון דער יונג-פרוי איבער די שונאים פון פראנקרייך.

איהר האט דאס טשארלס געהאט צו פארדאנקען דאס וואס ער האט צוריק געוואונען זיין קרוין.

געענדיגט איהר לעבען האט זי אבער זעהר טראגיש. נאך איידער איין יאהר איז פאריבער האט מען זי ארעסטירט און איינגעשפארט. די ענגלישע רעגירונג האט פאר איהר ארעסט באצאהלט מעהר ווי הונדערט טויזענד דאלאר.

זי האט ביי די ענגלישע צוריקגענומען צופיעל טעריטאריע און דאס אליין איז געווען גענוג אורזאכע אז ענגלאנד זאל זי וועלען זעהען טויט.

וואלט טשארלס דער זיבעטער ניט געווען אזא שארלאטאן וואלט ער זיכער געקענט געפינען א וועג און א מיטעל ווי אזוי די יונג-פרוי צוריקצוקריגען און זי באלוינען, ווי זי האט פארדיענט, פאר איהרע לייסטונגען צו פראנקרייך.

טשארלס האט זיך אבער ניט וויסענדיג געמאכט און דער דיוק פון בעדפארד האט געפונען א מיטעל דורך פראוויצירען דעם דאמאלדיגען בישאף פון ביוואווי.

און אמביציעזער מענש און א פארעטעער צו זיין אייגען לאנד.

ביוואווי איז אבער דעמאלט געווען אין פראנצויזישע הענט און דארטען האט מען זי דעריבער ניט געקענט פאראורטיילען און אין יאנוארי פון 1431 האט מען זי איבערגעגעבען צו דער פראנצויזישער אינקוויזיציע אין דעם פאריזער אוניווערסיטעט וואס איז געווען פול מיט סימפאטיע צו ענגלאנד.

ביי דעם ערשטען פארהער פון די אינקוויזיטארען האט דזשאן דע-ארק געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק, אבער עס איז איהר ניט ערלויבט געווארען קיין אדוואקאט, וואס זאל זי פארטיידיגען, און אין איהר געפענגניש איז זי געווען אונטערווארפען צו דער באהאנדלונג פון ברוטאלע סאלדאטען, האט זי געפאדערט אז מען זאל זי איבערפיהרען אין א קירכע געפענגניש, וואו זי וואלט געקענט האבען פרויען-וועכטער אנשטאט מענער.

כדי אבער זי זאל זיך באשיצען, האט זי מיטגענומען איהרע מענער-קליידער און דאס האט די אינקוויזיציע אויסגענוצט אלס א באווייז, אז זי איז ניט ערליך און זי פאראורטיילט.

זי האט אפעלירט צום פאפסט, אבער ווי עס שיינט האט איהר אפיעל דעם פאפסט קיינמאל ניט דערגרייכט.

קעגען איהר איז ארויסגעטראגען געווארען אן אורטייל אז זי ווערט באשולדיגט אין 12 חטאים. די ריכטער האבען ערקלעהרט אז „אלע וויזיאנען זיינען פאלש און טייפליש' און אז זי מוז אליין זיי אפלייקענען. אזוי ווי זי האט ניט געהאט וואס אפצולייקענען האט מען זי געמאטערט און געפייניגט. אבער זי איז געבליבען ביי איהר באשלוס און האט זיך ניט אונטערגעגעבען.

אין איין שרעקליכען טאג האט א מאב זיך פארקליבען און געמאכט א פייער אויף א שייטער הויפען און דזשאן האט אונטערגעשריבען א פאפיר, אז זי ציהט צוריק אלע איהרע גיזיעס. אבער זי האט אריינגעשריבען, אז אזוי איז גאט'ס ווילען. דאס האט די אויפ'ן מאמענט געראטעוועט ניט פארברענט צו ווערען.

דער מאב איז שוין אבער געווען ווילד און איז געבליבען אין צארן פארוואס זייער קרבן האט זיך ארויסגעדרעהט פון זייערע נעגעל, האט מען זיי בארוהיגט, אז זיי זאלען זיך ניט זארגען. די יונג-פרוי וועט סוף כל סוף פארברענט ווערען ווייל איינע פון איהרע חטאים איז אויך דאס וואס זי טראגט מענערשע קליידער און אויב זי וועט ווען עס איז וואגען אן זיך אנטאן די מענערשע קליידער וועט זי דעמאלט פארברענט ווערען.

און אזוי האט טאקע פאסירט: אין א פאר טעג ארום, מ'ווייסט ניט צי דערפאר ווייל זי האט דאס געטאן אלס זעלבסטשוץ אדער ווייל מען האט ביי איהר ארמישנע צוגענומען איהרע פרויען קליידער און אזוי ווי זי האט אויף זיך ווידער אנגעצויגען מענערשע קליידער האבען די ריכטער ארויסגעבראכט אן אורטייל אז זי איז ניט קיין אנשטענדיגע פרוי און אלס אזעלכע דארף זי פאר'משפט ווערען.

דעם קומענדען טאג האט מען זי פארברענט אויפ'ן שייטער הויפען. זי איז געגאנגען אין פייער אריין רוהיג, באשולדיגענדיג די ריכטער אין איהר טויט. אויך אין די לעצטע מינוטען האט זי צוריקגעוויזען איהר „תשובה" און ניט אויפגעהערט זאגען אז זי האט געהערט שטימען און די שטימען זענען געקומען פון גאט!

דער מארטירערס מוטער האט אבער ניט גערוהט און פארווארפען דעם פאפסט מיט בקשות, אז איהר קינד'ס פראצעס זאל רעווידירט ווערען, און זינט דאן האט יעדער פאפסט פון זיין זייט געהאלטען אין רעווידירען און אונטערשרייבען פאפירען און אזוי האבען זיך יאהרהונדערטע געצויגען.

פאר דער וועלט איז שוין לאנג קלאהר געווען און פעסטגעשטעלט געווארען, אז דזשאן דע-ארק איז געווען ווייט פון א מכשפה, און איז באמת געווען אינספירירט פון א גרויסע ליעבע צום פאטערלאנד, נאר דאס וואס די קאטוילישע קירכע, די זעלבע קירכע וואס האט זי פאראורטיילט, האט ארויסגעטראגען א ווערדיקט, אז דער פראצעס איז געפיהרט געווארען פאלש, שווינדלעריש, געמיין און אומגעזעצליך. און דזשאן דע-ארק איז געווען א הייליגע, איז אינטערעסאנט שוין דערפאר אליין ווייל דאס ווייזט ווי מיר האבען היינט פראגרעסירט זינט דער צייט ווען זי איז פארברענט געווארען.

די אידען און די באלשעוויקעס

דאס לאנדאנער איך. קאר. ביורא האט באקומען פון מר. געארג סטרומיללא, מיטגליעד פון'ם ארבייטער פאראיין אין פערם פאלגענדען באריכט וועגען די באציהונגען צווישען די אידען און די באלשעוויקעס אין רוסלאנד:

די מיינונגען וואס הערשען אין ענגלאנד בנוגע דער לאגע פון די אידען אין רוסלאנד זיינען גענצליך פאלש. איך גלויב, אז דאס קומט פאר טיילווייז צוליעב די פאלשע באריכטען פון רוסלאנד און צוליעב דעם וואס אידען פארנעמען אנגעזעהענע שטעלעס אין דער באלשעוויסטישער רעגירונג. הגם מען דארף געדענקען, אז עס זיינען פאראן אויך רוסען וואס פארנעהמען וויכטיגע שטעלעס.

וואס איז נוגע די אידישע מאסען, געפינען זיי זיך אין דער זעלבער לאגע ווי די גאנצע רוסישע באפעלקערונג. אויב די צארישע רעגירונג האט פריהער באגרעניצט די אידען צו דער „טשערטא", און האט זיי פארבאטען די רעכט פריי זיך צו באוועגען איז איצט די רעכט אבגענומען געווארען ביי דער גאנצער רוסישער באפעלקערונג. אהן צו מאכען וועלכען עס איז אונטערשייד פון נאציאנאליטעט פארפאלגען די באלשעוויקעס די אלע וואס זיינען מיט זיי ניט איינשטימיג. און דעריבער איז די באשולדיגונג, אז אלע אידען זיינען באלשעוויקעס אזוי לעכערליך ווי די באשולדיגונג פון די אידען אין עלילת דם מצד דער צארישער רעגירונג.

דער בעסטער וועג צוריקצוווייזען אזעלכע באשולדיגונגען איז צו שטיצען זיך אויף פאקטען, וועלכע ריידען פאר זיך זעלבסט. איך קען נאר רעדען וועגען דעם וואס איך האב אליין געזעהען, די זעלבע באדינגונגען אבער הערשען איבער גאנץ רוסלאנד.

אין רוסלאנד, באזונדערס אין די מערב פראווינצען האבען די אידען — נאך א לאנגע צייט איידער ס'זיינען דארט און גאנצען געווען וועלכע-עס-איז רוסישע סאציאל-דעמאקראטען, אדער בעפאר מען האט נאך געטרוימט וועגען שאפען א סאציאליסטישע פארטיי — געשאפען א אידישע סאציאל - דעמאקראטישע פארטיי מיט'ן נאמען „דער בונד", וועלכער איז געווען שטארק צושפרייט, און וועלכע איז ענדליך לעגאליזירט געווארען דעם 27-טען פעברואר (12-טען מערץ) 1917 לויט דעם ערשטען אנבליק שיינט, אז די באלשעוויקעס און דער אידישער „בונד" זעהענדיג, אז זיי סימפאטיזירען איינער מיט'ן צווייטען האבען זיך געדארפט פאראייניגען, און דאך האט דער „בונד" שארף קריטיקירט די טאקטיק פון די באלשעוויקעס. די באלשעוויקעס האבען דעריבער אונטערדריקט די לעגאלע עקזיסטענץ פון דער פארטיי און פונקט ווי אין די אלטע צארישע צייטען האט זי זיך געמוזט אומקערען צו א געהיימער אונטעראירדישער ארבייט.

אויף אזא אופן האבען די באלשעוויקעס דיא גאנצע צייט געהאנדעלט מיט אנדערע סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען דאס קען איך באשטעטיגען אלס עדות אין פערם.

דער קאמיסאר פון אידישע נאציאנאלע ענינים, ס. האסאן, א יונגער מאן פון 19 יאהר, האט צוטריבען א דארטיגע אידישע קהלה נאך דעם ווי ער האט קאנפיסקירט זייער פארמעגען און געלד און פארפאלגט זייערע אנגעזעהענסטע פארשטעהער. איינער פון זיי, מ. מונואט, איז געצוואונגען געווען צו באהאלטען זיך אונטער א פאלשען נאמען און באפרייענדיג זיך נאר דא ווען די שטאט איז פארנומען געווארען דורך דער סיבירער נאציאנאלער ארמיי. דער דאזיגער קאמיסאר האט אויך איבערגענומען די קאנטראל איבער די אידישע שול, אבער וואס ער האט דארט געטאן קען איך ניט זאגען ווייל איך בין ניט קיין איד און בין ניט באקאנט מיט זייערע רעליגיעזע מנהגים.

וואס איז נוגע ציוניזם, איז ער באטראכט געווארען אלס א באוועגונג פון „בורזשואזי" אינטעליגענץ און דעריבער דארף מען איהם לויט דער באלשעוויסטישער דאקטרין צושטערען.

וועגען דעם ענין איז אינטערעסאנט אויסצוהערען די מיינונג פון טראצקי, וועלכער האט מערער מאל איבערגע'חזר'ט, אז ער באטראכט יעדער נאציאנאלע באוועגונג אלס שעדליך פאר'ן קאמוניזם.

עס איז שווער פאר מיר, אלס א רוס, צו משפט'ן וועגען דעם וואס עס איז פארגעקומען אין די אידישע קהלות, צוליעב דעם אז די אידען אין רוסלאנד האבען זיך אלע מאל געהאלטען אבגעזונדערט און האלטען זיך נאך עד היום, מען האט א-בערגענעבען, אז די אידעע פון טראנסמיגרירען קיין פאלעסטינא האט געוואונען לעצטענס א סך אנהענגער.

איבערגעהענדיג איצט צו דער שמערצליכסטע פראגע אין רוסלאנד, דאס איז די געמיינזאמע באציהונגען צווישען די רוסען או די אידען. איך מוז מודה זיין אז דאס געפיהל פון אנטיסעמיטיזם האלט אין איין וואקסען, די סבות דארפען דערפון זיין פיעלע או איינע פון זיי איז די דערוויטערונג זיך פון דעם אידישען פאלק. אל סוואס די אידען לעבען איבערבלייבט ביי זיי און ביי ד רוסען, וועלכע זעהען נאר די אויסערליכע זייט, שיינט אז זיי זיינען אלע צופרידען און געפינען אין אלץ ווי עס דארף זיין און דאס רופט ארויס פארדרוס און אויפרעגונג. עס איז נישט פאראן קיין ספק, אז די וויכטיגע שטעלעס פון קאמיסארען ווערען אויסגעפילט דורך אידען או דאך ווען מיר נעמען די פראצענט - פראפארציע געפינען מיר זי אין דער מינאריטעט. אויב בלוט וועט צוליעב דעם פארגאסען ווערען וועט דערפאר די פאראנטווארטליכקייט פאלען אויף טראצקי'ן זייער פיהרער. מיר דארפען ניט פארגעסען או אין משך פון יאהר הונדערטער איז דאס רוסישע פאלק געווען דורכגענייגט מיט אנטיסעמיטיזם און האט אלע מאל געזוכט פאר א שולדיגען אין זיינען די אידען געווארען דאס „כפרה הינ- זייערע צרות די אידען. און אין דעם באצוג דעל" אלס א פאלק וואס איז אמ'ענינגסטען בכח זיך צו פארטיידיגען.

היברו האספיטאל אססאסיאיישאן

א מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין עטינגער'ס האל דינסטאג אבענד, פעברואר דעם 24-טען.

דורך דער טיכטיגער ארבייט פון די באארד אוו דירעקטארס זיינען אריינגעקומען 121 מעמבערס מיט א סומע פון 408 דאלאר מיט 50 סענט. די באארד אוו דירעקטארס האט אויך באריכטעט, דאס זיי האפען צום נעקסטען מיטינג אריינצובריינגען ניט קיין קלענער צאהל מעמבערס. [illegible] יעדער מאן אדער פרוי, סימפאטיזירט מיט דער באוועגונג פון היברו האספיטאל אססאסיאיישאן. און ביז יעצט האט זיך נאך קיינער ניט ענטזאגט פון צו ווערען א מעמבער, צו וועמען זיי האבען זיך נאר געווענדעט. ווי עס צייגט זיך ארויס פון דער סימפאטיע פון פובליקום וועלען מיר האבען א אידישען האספיטאל אין דעטראיט גאנץ גיך. דער רעפארט איז [illegible] ענטוזיאזם אויפגענומען געווארען, און די באארד אוו דירעקטארס איז באדאנקט געווארען.

עס זיינען געווען פארטרעטער פון פריערדיגער לידיעס עקזילערי מיט דעם צוועק צו ארגאניזירען די עקזילערי; נאך א לענגערע דעבאטע, נעהמענדיג אין אנבעטראכט אז עס איז פאר יו"ט איז באשטימט געווארען אפצולעגען דאס אויף 6 וואכען צייט.

עס איז אויך באשלאסען געווארען צו באצאהלען די טעקסעס פאר דעם לאט.

נעקסטער מיטינג וועט זיין היינט, דינסטאג אווענט דעם 2-טען מארטש אין עטינגער'ס האל, קארנער בענטאן און ענטוויין.

א. קאצין

21 יאהר אין די זעלבע ביזנעס

אונזער ווארשאווער אפיס צו אייער דיענסט

שיקט געלט
דורך מייל אדער קייבעל
צו אייערע פריינד און קרובים
אין פוילען און גאליציען דורך
דער אלטער בענקינג פירמא
גאלדמאן בראס.
ד געלט ווערט אויסגעצאהלט
אונטער דער פערזענליכער
אויפזיכט פון אונזער שותף, דוד
גאלדמאן, וואס געפינט זיך
איצט אין ווארשאו

Goldman Bros
393 Hastings St.
Detroit. Mich.

ווארשאווער אפיס
Przejazd No. 5
Warsaw, Poland

זונטאג אווענד
מארטש דעם 7טען

דער לאנג ערווארטעטער ג רעסטער קאנצערט פון יאר,
געשפיעלט פון דעם פעטראגראדער מוזיק אנסאמבל

זמרה

אין די ארענא גארדענס

וואדוואַרד און הענדרי

עס איז צוגעגרייט געווארען א וואונדערבארע פראגראם
בין די שעהנסטע חסידישע און פאלקס - ליעדער, אויך
[illegible]ע מוזיק, וועלכע זיינען נאך פון קיינעם ניט געשפיעלט געווארען אויף אזא קינסטלערישען אופן.

טיקעטס פון 75 ס. ביז 3 דאלאר
צו באקומען:
אין גארדאן'ס בוך סטאר, 541 הייסטינגס,
אוטשעניק'ס בוך סטאר 455 הייסטינגס,
גאלדמאן בראס.
גרינעל בראס.
קופער'ס פארמאסי, וועסטמינסטער,
קאר. גודווין
גאלדמאנ'ס פארמאסי,
וועסטמינסטער קאר. דעלמאר

דער זיכערסטער וועג צו
שיקען געלט
צו אייערע קרובים איז
— דורך דער —
פיפלס רעליעף
וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז
פאר פאסט קאסטען
490 הייסטינגס סטריט
קעיללעק 2061

MAZOLA

שטעלט זיך פאר — מ א ז א ל א — א געזונטע, געשמאקע, קרעפטיגען איל, מיט וועלכען איהר קענט באקען די שענסטע געבעקס, פרעגלען די געשמאקסטע שפייזען און קאכען די בעסטע עסענס, און איהר קענט עס יוזען סאי פאר פליישיגעס און סאי פאר מילכיגעס, ווייל ס'איז כשר און פארעווע.
און דאס איז ניט אין גאנצען—ווען איהר יוזט מאזאלא פארברויכט איהר א דריטעל ווייניגער ווי ווען איהר יוזט פוטער אדער שמאלץ, ווייל דאס איז רייכער אין פעטקייט און ווערט ניט איינגעצעהרט פון פייער. אזוי שנעל ווי פוטער אדער שמאלץ.
פרעגט אייער שכנ'טע
וועלכע יוזט מאזאלא

Der Weg

אפיס: 49-347 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפאריירעד

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

בלוטיגע סקאנדאליעזע סצענעס אין דעטראיט

פון ב. י. ג—ן

אין אייראפא האט מען מורא פאר ביגאמיע, אדער פאליגאמיע, און אויף אונזער קאנטינענט הערען מיר גאר פון פאליאנדריע. (פאליאנדריע מיינט ווען איין פרוי האט א סך מענער, פאליגאמיע מיינט ווען איין מאן האט א סך פרויען).

ווייל די מלחמה האט אומגעבראכט א סך מענער דערפאר האט מען אין אייניגע לענדער גערעדט וועגען ביגאמיע, ד. ה. אז איין מאן זאל האבען צוויי פרויען, און איינפיהר וואס — לויט די צייטונגען האבען דאמאלס געשריבען — איז שוין אפילו אנגענומען געווארען אין דייטשלאנד.

מען האט אויך אין ענגלאנד גערעדט וועגען דעם; מען האט אויך אין פראנקרייך מכח דעם פארפיהרט א דיסקוסיע אין דער פרעסע.

צי איז עס טאקע אמת, אז אין דייטשלאנד האט מען געבראכט די מאראל און מען האט דעמאלס געזעצליך ערלויבט ביגאמיע, איז נאך א גרויסע פראגע אויב דאס איז אמת.

אז אין ענגלאנד וועט מען דאס ניט ערלויבען, מעג מען ווידער זיין זיכער און אז אמעריקא איז צו דעם ניט געצוואונגען איז דאך דאס א פאקט.

ניט קוקענדיג אויף דער גרויזאמער שחיטה, וועלכע האט אנגעהאלטען איבער פיער יאהר כסדר און וועלכע האט פארצעהרט די לעבענס פון מיליאנען מענשליכע לעבענס, פונדעסטוועגען וועט זיך די וועלט פארט ניט אומקעהרען צו יענע צייטען ווען די מאראל איז א געזונקענע געווען.

אזוי צי אנדערש זיכער איז דאך דאס אין אלע אופנים, אז צו פאליאנדריע דארף די וועלט ניט אקומען.

פאליאנדריע ווערט פראקטיצירט אין טיבעט (א פארווארפען מקום ערגעץ אין אזיע) און דאס לאנד טיבעט אליין וואלט געווען די בעסטע וואר[נונג] ניט צו דערוועגען זיך צו געהן אין זייערע וועגען.

די פרוי אין טיבעט איז די אומגליקליכסטע אין דער וועלט. די מענער וויעדער זענען אויך ניט גליקליך.

אין אונזער צייטונג ווערט זעהר וועניג אכט געלעגט אויף די סענזאציאנעלע נייעסען מכח בלוטיגע מעשלעגען, אדער מארדען צוליעב, אדער דורך פארבאטענע ליעבעס. פונדעסטוועגען ווען איהר בלעטערט דורך די לעצטע פאר וואכען „וועג" קען מען דארטען אנטרעפען נייעסען וועגען צוריגעקומענע סאלדאטען וואס האבען ערמארדעט זייערע פרויען, וועלכע זיינען זיי אומטריי געווארען; מען קען געפינען נייעסען פון א פרוי וואס האט חתונה געהאט ניט מעהר און ניט וועניגער ווי זעקס, זיעבען מאל; ווי א פרוי האט חתונה געהאט צוויי מאל און גע'מענה'ט, ביים ארעסט אז זי ווייסט גארניט צי איז אזא זאך פארבאטען.

און נאך און נאך אזעלכע מינים נייעסען קען מען געפינען אפילו אין אונזער צייטונג וועלכע יאגט זיך ניט צו מעלדען מכח אזעלכע סענזאציעס.

די רעזולטאטען זיינען דיזעלבע ווי אין טיבעט.

די טיבעטער פרוי, ווי שוין געזאגט פריהער, איז די אומגליקליכסטע אין דער וועלט, ווייל זי איז תמיד דער עדות פון פיעלע בלוטיגע קאמפען, וואס קומען פאר צווישען איהרע מענער.

אין טיבעט ווערען אין יעדער הויז אפגעשפיעלט זעהר בלוטיגע סצענעס.

איין מאן באשולדיגט דעם אנדערען, אז ער נעהמט צו די ליעבע פון דער פרוי. די איפערזיכט ברענט און ווען זי פלאצט מוזען דעמאלס מענשליכע לעבענס פארברענט ווערען.

און די פרוי? — זי מוז ליידען פון איטליכען פון זיי. זיי, די מענער קענען זיך ניט אנקוקען איינס דאס אנדערע; זענען זיך שונאים אויפ'ן לעבען. איינער, וואלט דעם צווייטען אין יעדער רגע דערטרונקען.

קומען זיי צו דער פרוי און לאזען צו איהר דעם בעס אויס.

ניט איטליכער קען נעהמען די שווערד אדער דעם רעוואלווער אין האנד. יעדער פון זיי איז אבער א בריה זיך נוקם צו זיין אין די פרויען.

און ווען עס קומט שוין צו בלוטיגע געשלעגעריי, ווען איינער כאפט שוין דאס מעסער צום צווייטען, דעמאלט איז שוין די פרוי אוודאי אין א גהינום'דיג לעבען.

זי קען ניט פארטיידיגען דעם, וועלכען זי האט אפשר ליעב, און קען ניט זאגען קיין שלעכט ווארט קעגען דעם, וועמען זי האט ניט ליעב, ווייל אין מאמענטען פון בלוטיגען צארן, ווערט זי אליין ניט איין מאל דער קרבן; ניט איין מאל ווערט א טיבעטער פרוי ערמארדעט נאר דערפאר וואס איינעם האט זיך געראכט, אז זי האט צו א צווייטען א שמייכעל געטאן, אדער זי האט איהם שענער אויפגענומען, ווי זי נעהמט איהם אויף.

דאס איינענע קומט אויך פאר ביי אונז.

מיר וואהנען אזוי ווייט פון טיבעט אבער די נאטור ביי די היגע מענשען איז אפנים ניט ווייט פארשיעדען ווי ביי די מענשען אין טיבעט. די זעלבע בלוטיגע סצענעס וואס עס מוז צוזעהן די פרוי אין טיבעט, מוז אויך די פרוי אין דעטראיט ביוואוהנען.

די שולד פון די דאזיגע נייע בלוטיגע סצענעס פאלט איינגאנצען אויף דער פרוי.

דארטען אין טיבעט זיינען די אומשטענדען און דער איינפיהר אזא.

און — ווי זאגט מען דאס — דער ווארם ליעגט אין כריין און איהם דאכט זיך אז דער כריין איז זיס.

סיי אין די לענדער וואו עס איז איינגעפיהרט פאליגאמיע און סיי אין טיבעט, וואו עס איז איינגעפיהרט פאליאנדריע, מיינען דארטען די מענשען אז אזוי ווי זיי פיהרען זיך איז גוט און וואויל.

די טיבעטער זענען זעהר ארים. זיי קענען זיך ניט ערלויבען דעם לוקסוס אויסצוהאלטען א פאמיליע. צוויי דריי און פיער מענער (דאס רוב פון איין משפחה) נעהמען דערום איין פרוי.

סיי ביי די מאכמעדאנער, וואס פראקטיצירען פאליגאמיע און סיי ביי טיבעטער, וואס פראקטיצירען פאליאנדריע איז דער מנהג שוין אזוי אלט און די אומשטענדען אזוי צוגעפאסט, אז זיי פאלט גארניט איין א טראכט צו טאן מכח איי[ן] בעראנדערשען זייער לעבען און זייערע פיהרונגען.

אין די לענדער אבער וואו מאנאגאמיע איז איינגעפיהרט, וואו איין מאן האט חתונה מיט איין פרוי און איין פרוי מיט איין מאן, איז יעדער וואס ברעכט דעם מנהג ניט נאר א פארברעכער קעגען געזעץ און דער אנגענומענער מאראל, נאר טראגט אויך אויף זיין געוויסען דאס פארגאסענע בלוט, צו וואס דער פארברעכער ערפיהרט.

די פרויען וואס ברעכען די אנגענומענע מאראל די לעצטע צייט, אין אונזערע מקומות, איז דער הויפט חייב אין די בלוטיגע סצענעס וואס שפיעלען זיך דא אפ און וועגען וועלכע די צייטונגען מעלדען אזוי אפט.

א הויז צו פארקויפען אין 165 וועסטמינסטער. 10 רומס, 3 אויטאמאביל גאראדזשען. ידער לאט פארנעהמט 50 ביי 125 פוס. האט אלע איספרואוומענטס
פרייז 14 טויזענד דאלער. קעש פיער טויזענד דאלער.
פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690.

א הויז צו פארקויפען אין מארסטאון נעבען דושאן אר. 11 רומס, מיט אלע אימפרואוומענטס. דער לאט 65 פוס. קעש 3,500 דאלאר.
פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690

פאר אינוועסטארס
Mathew Finn

ז יז פרעזידענט פון פיפעלס נעשא
Private Bank

— אין —

פארעין עקסטשיינדזש או ןדוש ענעראל בענקינג

82 Griswold St.

גרויסער אקשען סייל
אויף גראסעריעס

— אין —

145 ווילקינס
קאר. הייסטינגס

מאנטאג דעם 1-טען מארטש 10 אזהר אין דערפריה
א פולער ליין קען גודס, פרוכט זייף, קעצאפ, פיין עפעל, דבאטלד גודס.

צוקער

קאפלאנ'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט

-ענט איהר קויפען אלעס פון די פאר נענרע ליינס:

קאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קוירטענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ- אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס זאר מענער און בייס סוטס און קאוטס. קאמפלים ליין פון טיילאר און דרעס- מייקערס טרימינגס.

ווארע-ביליג פאר סטאר-קי- פערס און פערלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

איסערגעוועהנליכע וועליוס אין קווין אנן בעדרום סעטס

די שעהנסטע בעדרום סוטס וואס מאכען א סענזיישאן ווען איהר זעהט זיי

א דרעסער	$110
טשיפאראב	95
וועניטי	90
בעד	80
אדער די 4 פיעס קאמפליט פאר	$375

דער קווין אנן דעזין האט קיינ מאל נאך ניט געגעבען אזא געלעגענהייט פאר אייך ווי איצט. מען זאל דאס דופליקירען. זעגען מיר זיכער, א דאס דארף קאסטען אנטדערהאלבען מאהל אזוי פיעל.

דער עלעגאנטער פיניש דער אנטיק בראנז טרימינגס די דאסט פרוף טירען, יעדער זאך ווייזט אז דער סוויט איז פון פיינסטען טיפ.

שטיקלאך מעבעל קענען אוי געקויפט ווערען איינציגער אדער ביי דעם סעט.

קייפענדיג אויף דעם סטענדערד פלאן, קריעגט איהר דעם דעם בענעפיט פון די ספעשעל פרייזען און 30 וואכען צייט אויף אויסצוצאהלען און מיר רעכענען אייך ניט קיין אינטערעס.

דער סטענדארד פלאן גיט אייך 30 וואכען ציט צום אויסצאהלען

Robinson-Cohen Co.
COMPLETE HOME FURNISHERS
CORNER of HIGH and HASTINGS
FIVE BLOCKS EAST of WOODWARD — FIVE BLOCKS NORTH of GRATIOT
NORTH-BOUND FOURTEENTH CARS PASS THE DOOR

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

547-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorozed by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Wednesday, March 3rd 1920 Vol. 2, No 18 מיטוואך 3-טער מארטש, 1920.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

דעניקינס קובאנער קארפוס פארניכטעט

לאנדאן, מארטש, 2. — א דראטלאזע טעלעגראמע פון מאסקווע מעלדעט וועגען א גרויסען זיג, וועלכען די רויטע ארמיי האט אפגעהאלטען אין צפון קאווקאז, לעבען בעלייע. דעניקינס קובאנישער קארפוס איז גענצליך פארניכטעט געווארען. פיעלע זענען אומגעקומען אין שלאכט, די איבעריגע זענען גענומען געווארען געפאנגענע. די סאוועטען טרופען, לויטעט דער באריכט, יאגען נאך דעם שונא.

א צווייטע טעלעגראמע פון מאסקווע, דאטירט 29טען פעב. גיט איבער, דאס דעניקינס ארמיי איז אריין אין א פאסטקע אויף דעם קובאנישען האלב-אינזעל.

דיזעלבע טעלעגראמע באריכטעט דאס נאך א גרויסען שלאכט האט זיך די באלשעוויקעס איינגעגעבען צו פארנעהמען סטאווראפאל.

פינלאנד און ליטא שיקען קיין ווארשע דעלעגאטען וועגען שלום מיט רוסלאנד

ווארשע, מארטש 2 — דער פוילישער סיים האט צוריקגעוויזען א פארשלאג פון די סאציאליסטען, דאס די שלום פארהאנדלונגען מיט די באלשעוויקעס זאלען עפענטליך דיסקוטירט ווערען אין סיים. די סאציאליסטען האבען אויך געפאדערט צו פארשנעלערען דעם שלום.

די פוילישע רעגירונג איז געווען געגען פארשלאג פון די סאציאליסטען. סטאניסלאוו פאטעק, פוילישער אויסערן-מיניסטער, האט געזאגט, די עפענטליכע אונטערהאנדלונגען וועלען ברענגען פיעל שאדען די פוילישע אינטערעסען.

אין פוילישען סיים איז אפיציעל ערקלערט געווארען, דאס פינלאנד און ליטא האבען באשלאסען צו שיקען קיין ווארשע דעלעגאטען צו באטראכטען וועגען שלום מיט די באלשעוויקעס.

די „נאציאנאליסטישע" פרעסע איז געגען אירגענד וועלכען שלום מיט דער סאוועטען רעגירונג. די ליבעראלע צייטונגען ערמוטיגען די רעגירונג דאס זי זאל פארטזעצען די פרידענס פארהאנדלונגען.

נאוואראסיסק ווערט אפגעליי-דיגט.

קאנסטאנטינאפאל, מארטש 2 — די אליאירטע פארשטעהער, וועלכע געפינען זיך דא, ערווארטען דאס נאוואראסיסק, אין קאווקאז, זאל די טעג אפגעליידיגט ווערען; פרויען און קינדער וועלען האבען א פארצוג איבער די פארוואונדעטע, וועלכע מען וועט מוזען איבערלאזען. מ'רעכנט די צאהל פליכטלינגע וועט דערגרייכען 20 טויזענד.

צוליעב דעם טיפוס, וואס הערשט אין דעם נאוואראסיסק'ער געגענד, ווערט די הילפס ארבייט פיעל געשטערט, ווייל מ'מוז אפטיילען די קראנקע פון די געזונטע.

90.000-גע ארמיי אין אונגארנ'ס פארלאנג

לאנדאן, מארטש 2 — די אונגארישע רעגירונג האט אריבערגעשיקט א נאטע צו די עלייעס בעטענדיג, אז מ'זאל איהר ערלויבען צו האלטען א 90 טויזענדיגע ארמיי און באפעסטיגען בודאפעסט.

א באוועגונג קומט פאר אין אונגארן פאר א מיליטערישער דיקטאטור. דאס ערוועהלען פון אדמיראל הארטי אלס רעגענט איז א שריט נעהנטער צו דער דאזיגער דיקטאטור.

קורצע געוואוקס איז אמאל א מעלה

באשולדיגטער אין מארד וועט זיך פילייכט ראטעווען פון שטריקעל, א דאנק דעם וואס ער איז קורץ-געוואקסיג.

דער איטאליענער קאלאגערא ארענא, וועלכער ווערט יעצט גע'משפט אויף דער קלאגע, אז ער האט ערמארדעט סעם דזשיאנאלא, וועט זיך פילייכט ראטעווען פון שטריקעל, א דאנק דעם, וואס צוויי עדות פון דער אנקלאגע האבען נעכטען ערקלעהרט, אז די דריי מענער וואס האבען געשאסען אויף דזשיאנאלא'ן זיינען געווען פיעל העכער ווי ארענא.

אנדריו גילאנטע, פון 253 קאנגרעס סטריט איסט, אויף וועמען די אנקלאגע האט געבויעט גאנצע לופט-שלעסער, האט נעכטען צושטערט אלע פלענער פון דיא אנקלעגער. גאלאנטע איז אנוועזענד געווען אין דער סטייט־באנק אויף מאנראע עוו. און ראסעל סט. דעם 8טען אקטאבער און האט צוגעזעהן די שיסעריי.

ער האט אניסדריקליך ערקלעהרט, אז דער מאן וואס האט געשאסען דזשיאנאלא'ן איז ניט ארענא.

אין פארלויף פון קרייז פארהער האט דער לאיער פון דער פארטיידיגונג געהייסען ארענא'ן זיך אויפשטעלען און געזאגט צו גילאנטע'ן:

— איז דאס דער מאן וואס האט געשאסען דזשיאנאלא'ן?

— ניין, — האט גילאנטע געענטפערט — ער איז גאר דארטען ניט געווען. די דריי באנדיטען וועלכע איך האב געזעהן זיינען געווען פיעל העכער.

דאס זעלבע האט אויך גע'טענה'ט א צווייטער עדות, מיט'ן נאמען דזשאזעף בונליסע.

אין דער זעלבער צייט האבען אין פאר לויף פונ'ם געכטיגען פארהער אנדערע 2 עדות גע'טענה'ט אז דזשיאנאלא און ניט קיין אנדערער איז דער אמת'ער מערדער. גיינער איז געווען דזשאזעף דזשעקסאן; וועלכער האט שפאצירט אויף ראסעל סטריט אין דער צייט ווען די שיסעריי איז פארגעקומען, און דער צווייטער איז געווען אנטאני קרעזעראקי, וועלכער האט געארבייט אין אן אייזען פעקטארי גע-נען איבער מאנרא עוו. ווען די שיסעריי איז פארגעקומען.

ווי די מעשה זאל אבער ניט זיין, דערווייל איז די אנקלאגע א היבש ביסעל אפגעשוואכט געווארען מצד די ערשטע 2 עדות.

געפינט זיין פלוני'ת'טע מיט אן אנדער מאן אין דעטראיט.

פאסקאלי קאמילא, א רייכער איטאליענישער ביזנעסמאן פון באפלא, איז לעצטען זונטאג געקומען אהער קיין דעטראיט זוכען זיין ווייב און קינד, וועלכע זיינען מיט איניגע חדשים צוריק פון איהם פארשוואונדען.

לאנג זוכען האט קאמילא ניט גע-דארפט. ער האט זיך באלד דערקונדיגט, אז זיין „בעסערע העלפט" לעבט מיט א געוויסען הענרי מייערס אין 850 [...] סט. האט ער מיט זיך מיטגענומען [...] דעטעקטיווס אוועק אין הוי[...]

יעצט איז מייערס ארעסטירט און מרס. קאמילא האט צוגעזאגט איהר גע-מאנדעל, אז פון היינט אן וועט זי שוין זיין גוט און פרום.

קאמילא איז נעכטען מיט ווייב און קינד אפגעפאהרען קיין באפלא, און ער האפט, אז יעצט וועט ער זיך שוין עלטערען מיט זיין באשערטער ביז הונדערט און צוואנציג יאהר.

23 פון סענאטאר ניובערי'ס מיטשולדיגע באפרייט

גרענד רעפידס, מארטש 2 — פרענק דיילי, וועלכער פארטרעט דעם יוסטיץ דעפארטמענט האט צוגעגעבען, דאס געגען 25 פון די אנגעקלאגטע אין סענאטאר ניובערי'ס משפט, זענען ניטא קיין באווייזע, דאס זיי זאלען האבען אויף א אונגעזעצליכען אופן געהאלפען ניובערי'ן ערוויילען זיין פלאץ אין סענאט. זיי ווע-נען באלד ערקלעהרט געווארען נישט שולדיג.

באהן סטרייק אין פראנקרייך צו ענדע

פאריז, מארטש 2. — דער גענעראל סטרייק וואס האט מיט א פאר טעג צוריק אויסגעבראכען אויף דריי פראנצויזישע אייזענבאהן ליניעס האט זיך געענדיגט נעכטען ביינאכט נאך א קאנפערענץ צווישען די פארשטעהער פון דער נאציאנאלער פעדעראציע און די דירעקטארען פון די באהן ליניעס, וועלכע האבען צוגעשטימט נאכצוגעבען אלע פאדערונגען פון די סטרייקער. אין איין פונקט האבען די ביידע צדדים פון אנפאנג ניט געקענט קומען צו א פארשטענדניש. די באהן מאגנאטען האבען ניט אנדערש געוואלט ארויסלייגען א שטראף אויף אלע סטרייקערס, אבער די פארשטעהער פון דער פעדעראציע האבען נאטירליך ניט געוואלט איינגעהן אויף אזא בעדינגונג.

די ביידע צדדים האבען אפעלירט צו פרעמיער מילעראנד, וועלכער האט גע-פסק'נט אז קיין סטרייקער זאל ניט קריגען געצאהלט פאר דער צייט פון סטרייק און אז די קאמפאניעס זאלען ניט באשטראפען די יעניגע, וועלכע האבען איגנארירט די אויפפאדערונג פון די דירעקטארען צו געהן צוריק צו דער ארבייט.

דער פרעמיער האט אויך רעקאמענדירט די דירעקטארען זיי זאלען נאך א מאהל באטראכטען די שטראפען וואס זיינען ארויפגעלייגט געווארען אויף די ארבייטער און באהאנדלען זיי מיט גערעכטיגקייט.

עלייעס סאנקציאנירען אינטער-נאציאנאלע הלוואה צו דייטשלאנד

לאנדאן, מארטש, 2 — סער געדעס, דער נייער אמבאסאדאר צו די פאראייניגטע שטאטען, האט היינט באקאנט געמאכט, דאס די עלייעס שטימען צו דאס אן אינטערנאציאנאלע הלוואה זאל געמאכט ווערען צו דייטשלאנד מיט'ן ציעל צו פארזיכערען איהר עקאנאמישען צושטאנד. די צאהלונגען אויף דיעזער הלוואה וועלען האבען א פארצוג איבער דייטשלאנד'ס חובות פאר קריעגס-שאדען.

פרעזידענט לאדט איין באהן אייגענטימער און ארבייטער צו שליכטען דעם לוין סכסוך.

וואשינגטאן, מארטש 2 — מר. ווילסאן האט היינט געבעטען די עקזעקוטיוועס פון די באהן אייגענטימער און ארבייטער, דאס זיי זאלען ערוועהלען פארשטעהער צו א קאנפערענץ, וואו מ'וועט פרובירען צו געפינען א לעזונג צו דעם לוין-סכסוך.

ש[illegible]ר דערשיסט איהר איי-[illegible] פרוי פארשוואונדען.

אן אויסערגעוועהנליך זאנדערבארער און געהיימניספולער מארד איז נעכטען נאך א האלבע נאכט פארגעקומען אין דער לאפפער פאמיליע, 219 אלפרעד סטריט, וואו עליאט לאפפער 41 יאהר אלט איז צום טויט דערשאסען געווארען פון זיין שווינער, מרס. לולא דיקערסאן פון 215 אלפרעד סטריט.

לויט די שכנים דערצעהלונג איז דיא טראגעדיע פארגעקומען נאכדעם ווי לאפפער האט זיך ארומגעקריגט מיט זיין פרוי און האט איהר געסטראשעט צו טויטען מיט א רעוואלווער. אין מיטען קריעג איז אנגעקומען מרס. לאפפערס מוטער און אבגעפייערט 2 קוילען אויף איהר איידעם, וועלכער איז געפאלען טויט. מרס. לאפפער איז באלד פארשוואונדען געווארען.

בעלא קון צוריק אין אונגארן?

לאנדאן, מארטש 2 — אפיציעלע ידיעות פון וויען גיבען איבער דאס בעלא קון איז צוזאמען מיט נאך איניגע אונגארישע קאמוניסטען אנטלאפען קיין אונגארן, וואו זיי וועלען מאכען א פארזוך צו פארכאפען די מאכט.

טערקיי פארליערט איהר פלאטע

לאנדאן, מארטש 2 — דער העכסטער ראט האט היינט באשלאסען, דאס טערקיי זאל בארויבט ווערען פון איהר פלאטע. ס'וועט איהר ערלויבט ווערען צו האבען נאר איניגע קליינע שיפלאך.

א צווייטער באשלוס פון דעם אליאירטען ראט איז, אז אינטערנאציאנאלע איינריכטונגען זאלען באשאפען ווערען, דורך וועלכע שפייז און רויע מאטעריאלען זאלען צוטיילט ווערען איבער איירופא.

פוילען האפט צו קריגען א 50 מיליאן דאלארדיגע הלוואה אין אמעריקא.

וואשינגטאן, מארטש 2. — די פוילישע לעגאציע האט נעכטען באקאנט געמאכט, אז זי פארהאנדעלט מיט דער פיפעלס אינדאסטריאל טרעידינג קארפארעישאן פאר אן הלוואה פון פופציג מיליאן דאלאר. דאס וועט זיין די ערשטע אנלייהע וואס א פריוואטע אמעריקאנער פינאנץ הויז גיט צו איינע פון די נייע לענדער וועלכע זיינען געבארען געווארען פון דער וועלט-מלחמה. די רעגירונג, ווערט געמעלדעט, וועט ניט שטערען דער דערמאנטער פירמא אין איהר פלאן.

די הלוואה וועט באשטעהן פון הונדערט דאלארדיגע באנדס, וועלכע וועלען צאהלען 6 פראצענט צינזען און דער קרן וועט איינגעצאהלט ווערען אין צוואנציג יאהר ארום.

די געלד, זאגען די פארטרעטער פון דער פוילישער רעגירונג, וועט באנוצט ווערען אויף ווידער אויפבויאונג פון דער רואינירטער פוילען.

דעטראיטער אידען וועלען האבען וויין אויף פסח

פון פארטרויענסווערטע קוועלען, האט דער „וועג" באקומען פארזיכערונגען, דאס די אידישע באפעלקערונג אין דעטראיט וועט באקומען וויין אויף פסח.

דזש. א. גראגען, אקציז-קאלעקטאר, האט ערלויבט צו עפענען איניגע קראמען, וואו מען וועט קריגען צו קויפען וויין, ווען מען וועט באקומען א צעטעל פון א גייסטליכען פארשטעהער, אז דאס וויין איז צוליעב רעליגיעזע צוועקען.

מר. גראגען האט איבערגעגעבען, דאס ער וועט ערלויבען די אידישע רבנים וויין אויף קדוש אין די שולען און ווי אויך צו צוטיילען צווישען די מיטגליעדער פון זייערע 'קאנגרעגיישאנס' וויין אויף די פיער כוסות.

דער „וועג" וועט די טעג זיין אימשטאנדע צו באריכטען, וואו מ'וועט קענען קריגען וויין אויף פסח.

ביאליסטאקער לאנדסלייטע! איפמערקאם!

היינט אבענד וועט אין לייבאר לייסעאום, 62 ליווינגסטאן סט. שטאטפינדען א זעהר וויכטיגער מיטינג פון דעם ביאליסטאקער רעליעף פאראיין, וועלכער האט אויף זיך גענומען די הייליגע אויפגאבע צו זאמלען שטיצע פאר די ליידענדע אידען אין ביאליסטאק.

אויף דעם מיטינג וועט אפגעגעבען ווערען א פאלשטענדיגער רעפארט פון דעם פראפיט פון דער פעקעדזש פארטי, וועלכע האט שטאטגעפונדען דעם 22טען פעברואר. 150 דאלאר איז שוין אפגעשיקט געווארען צו דער ביאליסטאקער רעליעף קאמיטע אין ניו יארק.

צום מיטינג וועט אויך אנוועזענד זיין מר. מענדעל לייבאוויטץ, וועלכער פאהרט אפ קומענדע וואך קיין ביאליסטאק פאר א לוסט רייזע, און דורך איהם וועלען אלע ביאליסטאקער לאנדסלייטע פון דעטראיט קענען שיקען בריעף און גרוסען צו זייערע אייגענע.

קומט ביאליסטאקער לאנדסלייטע און לאנדספרויען, היינט אבענד צום מיטינג און נוצט אויס די גלענצענדע געלעגענהייט צו שיקען א פערזענליכען גרוס צו אייערע ליעבע און טהייערע אין דער אלטער היים.

אונגעלונגענער אטענטאט אויף ענגלישען געזאנדטען אין פינלאנד.

לאנדאן, מארטש 2 — עס איז גאר וואס אפיציעל אנאנסירט געווארען, אז א פארזוך איז געמאכט געווארען צו טויטען לארד עקטאן, בריטישער געזאנדטער אין העלסינגפארס, פינלאנד. לארד עקטאן איז מאנטאג אין דער פריה געפאהרען אין זיין אויטאמאביל צום מארקעט פלאץ, ווען אימיצער האט אפגעפייערט אויף איהם צוויי קוילען פון א רעוואלווער אבער די קוילען האבען ניט געטראפען אין ציעל און דער אמבאסאדאר איז ניט פארוואונדעט געווארען. קיינער איז ניט ארעסטירט געווארען אין פארבינדונג מיט דעם אונגעלונגענעם מארד פארזוך.

פייער טרייבט ארויס 700 קינדער פון סקול

א פייער האט נעכטען אויסגעבראכען אין דער סט. באניפייס פאראקיעל סקול, 360 ווערמאנט עוו., און 700 קינדער, אין עלטער פון 5 ביז 15 יאהר האבען אין טויט-שרעק פארלאזט די סקוהל.

דער בילדינג איז אויסגעליידיגט געווארען אין ווייניגער ווי אין 5 מינוטען. די קינדער האבען ארונטערמארשירט די טרעפ און פייער-עסקייפס אונטער דער קאמאנדע פון די לעהרער און אלעס איז צוגעגאנגען אין פולער ארדנונג.

דער פייער האט זיך אנגעפאנגען ארום 11 א זייגער אין דער פריה אין דער מו-זיקרום. מען דענקט אז דאס איז געקומען פון א צו שטארק אנגעברענטען קוימען.

ווען דער אלארם איז געגעבען געווארען, האבען די לעהרער געמיינט, אז דאס איז א רוף צו א רעפעטיציע, אבער באלד איז זיי קלאהר געווארען, אז דאס איז טאקע אן אמת'ער פייער, און אז מען דארף זיך טאקע ראטעווען אויף אן אמת.

דער סקוהל-טשעפליין, הענרי קאפמאן, האט זיך שטארק צושעדיגט דורך דעם וואס ער איז געקראכען צום ברענענדען פלאץ ארויסראטעווען א פידעל וואס איינער פון די שילער האט דארט איבערגעלאזט. קאופמאן איז צוגענומען געווארען אין האספיטאל.

דער פייער האט אויך אינדירעקט פאראורזאכט אן אויטאמאביל עקסידענט. א פאליס אויטאמאביל, וועלכער איז געלאפען אין פולער שנעלקייט צום ברענענדען פלאץ, האט זיך אנגעשטויסען אן א שווער אנגעלאדענעם אויטא-טראק, אבער גליקליכערווייזע האט דער עקסידענט ניט געבראכט קיין מענשליכע קרבנות. דער טראק איז בלויז שטארק צושעדיגט געווארען.

„רויטע גווארדיע" אין אונגארן האט זיך אויפגעפיהרט מענשליך

עלים ריגס האנט, א צייטונגס קארעספאנדענטין, וועלכע האט פארוויילט אין אונגארן די גאנצע צייט, וואס דער באלשעוויסטישער רעזשים איז הארטען געווען אין קראפט, איז לעצטענס אנגעקומען אהער קיין דעטראיט.

לעצטען זונטאג האט מיס האנט אדרעסירט אן ארבייטער פארזאמלונג אין היי-נען לייבאר פארום, און האט אפען ערקלערט, אז אונגארן איז געווען פיעל בעסער אפ אין צייט פון בעלא קון'ס רעזשים, איידער יעצט.

אין צייט פון דער סאוועטען-הערשאפט אין אונגארן — האט מיס האנט געזאגט — „איז דער שפייז-צושטאנד אין בודאפעסט געווען א פיעל בעסערער ווי איצט. די „רויטע גווארדיע" איז געווען זעהר פריינדליך צו אויסלענדער. איך האב ביי זיי געקראגען פיעל בעסערע שפייז ווי איך האב געהאט אין פאריז".

מיס האנט האט דערצעהלט, אז אין אן אינטערוויו, וואס זי האט געהאט מיט בעלא קון, האט ער איהר געזאגט, אז זיין הויפט כונה איז אפצושאפען אלע קלאסען און סאציאליזירען קאפיטאל, אבער אין דער זעלבער צייט האט ער געפונען פאר נויטיג ניט צוצונעמען דעם לעצטען מיטעל פון לעבען ביי דער בורזשואזיע און האט באשטימט, אז געוועזענע רייכע לייט זאלען קריגען פון שטאט 2,000 קראנען א מאנאט, אום זיי זאלען ביסלעכווייז זיך קענען צוגעוועהנען ארבייטען פאר א לעבען צו מאכען.

די רעגירונג האט אויך געשילדערט די אינדוסטריעלע ארגאניזאציע אונטער דער סאוועטען-מאכט. אלע פאבריקען וואס פראדוצירען די זעלבע מאטעריאלען זיינען געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון איין הויפט ראט, ערוועהלט פון די ארבייטער אין די פאבריקען.

מיס האנט האט זיך ניט געקענט גענוג אפלויבען פון דער העפליכקייט און אנשטענדיגקייט וואס די רויטע גווארדיע האט ארויסגעוויזען. „די „שרעקליכע" רויטע גווארדיע איז גאר ניט אזוי שרעקליך ווי מען מאהלט איהר אויס" — האט מיס האנט צווישען אנדערעס ערקלערט.

אטאמאביל מיט 2 שכורע פאליס-לייט טויטען אלטען מאן

וויליאם סינא פון 1374 דזשאהן אר סט. און אויטאמאביל דרייווער און צוויי פאליסלייט, אלפאנס אזען און דזשאהן וואסקינס, זענען נעכטען ארעסטירט געווארען און פארהאלטען אונטער שווערע בייל. אויף דער קלאגע אז זיי זענען געווען גוט בעזאפען ווען זיי זענען געפאהרען אין דעם אויטאמאביל, וועלכער האט נעכטען 5.20 נאכמיטאג איבערגעפאהרען און אויפ'ן שטעל געטויטעט מר. וואלטער אינגראם, 62 יאהר אלט, א צוריקגעצויגענער בעקער-באס, פון 466 קאמאנוועלטה עוו.

לויט מר. דזשיימס ק. ניקאלס, אסיסטענט פראסעקיוטאר, וועלכער האט געהאט א געשפרעך מיט די ארעסטירטע ערקלעהרט, איז סינא, דער שאופער, געווען אזוי שיכור, אז ער האט פון איהם ניט געקאנט ארויסקריגען קיין קלאהרע ערקלעהרונג וועגען דער טראגעדיע, או די פאליסלייט, האט מר. ניקאלס געזאגט זענען געווען אויך געווען ווייט פון א ניכטערען צושטאנד. פון דעסטוועגען זענען זיי געווען אימשטאנד צו דערצעהלען דעם אסיסטענט פראסעקיוטאר, אז ווען דער דרייווער האט געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען נאכדעם ווי ער האט איבערגעפאהרען דעם פארביינגעהער, האבען זיי איהם גענעסטראשעט צו שיסען אויב ער וועט זיך ניט צוריקקעהרען און אוועקפיהרען דעם כמעט טויטען מר. אינגראם אין רעסיוווינג-האספיטאל.

סינא איז געשטעלט געווארען אונטער 5000 דאלאר בייל אויף דער קלאגע פון טויט שלאג און די צוויי „קאפס" וועלען היינט געבראכט ווערען פאר'ן טשיף אינספעקטאר ספראט וועמען זיי וועלען דארפען אפגעבען דין וחשבון פאר זייער אויפפיהרונג, וועלכע פאסט זיך גאר ניט פאר בעאמטע וועלכע שווערען אפצוהיטען די געזעצע פון שטאט און האבען אליין איבערטראטען דעם פראהיבישאן געזעץ.

„פעירס" אויף רעה ווינדזאר פע-רי געהעכערט אין פרייז.

פון לעצטען מאנטאג אן וועט דער פרייז פון די טיקעטס אויף דער פערי, וואס געהט פון דעטראיט קיין ווינדזאר און צוריק זיין 7 פאר 25 סענט, אנשטאט וואס ביז יעצט איז געווען 8 פאר 25 סענט.

עס איז אויך געהעכערט געווארען דער פרייז פאר איבערפיהרען אויטאמאבילס.

דער באוואוסטער ...

ל. ד. רייכלין

פון אהבת אחים שוהל

(אוקלאנד)

נעהמט אן סדור קדושין

אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע

עופרידענהייט.

קעמעראן עוועניו ...

טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

...ער בעסטער מוהל אין שטאט

און מסדר קידושין

...זן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט

טעלעפאן, מעין 4420

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטערס, שעלווס, סייפס, סקיילס ...יסטערס, נייע און געיוזטע. ...ייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד לונג. 2 סטארס.

...עלייעבל סטאר פיקטשור קא.

305 גרעשיאט עוועניו

טעל. קאדילאק 2445

277 מישיגאן עוועניו

טעל. קאדילאק 4924 עס.

פערלאנגט פעהיגע קענוועסער פאר׳ן „וועג״

יונגע לייט וואס ווילען מאכען געלט פאר איינציגע שטונדען ארבייט צו קענוועסען פאר סובסקרייבער פאר׳ן „וועג״ גוטע קאמישאן ווערט געאפערט. איהר קענט דאס טהאן ווען איהר האט פרייע צייט. זיך מעלדען יעדען טאג און אווענדס אין אפיס פון „וועג״ 347 הייסטינגס סט.

אוקלאנדער אידען

פיקסען זייערע

ציהן

ביי

Dr. H. Goodman

דענטיסט

נעקסט פון 427 וואודווארד

737 אוקלאנד עוו.

די נאטור איז דער בעסטער דאקטאר.

ווען איהר ליידעט פון רומאטיזם, הארץ, קידנעס אדער סטאמאק אפילו קראנקהייטען וועלכע זיינען סיפיליטיש, ווענדעט זיך צו מיר. מיינע מעדיצינען וועלכע זיינען געמאכט פון געוויקסען, זיינען דער נאטורליכסטער מיטעל צו די אלע קראנקהייטען. — די ווירקזאמסטע מיטלען פיר פרויען קראנקהייטען.

ס. גרין. 769 בוביען סט.

פאר סמוקערס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. עס מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט די־ ראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CIGAR MFG. CO.

געמאכט אין דעטראיט.

לעזט דעם „וועג״

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן פון מרדכי ספעקטאר

די „פליישיגע״ האט אויך אזוי גערעכענט, נאר זי איז אבער נאך מעהר פארוואונדערט געווארען ווען לאה האט ביי איהר געבעטען זי זאל איהר געפינען א נייע שטעלע.

— פאר וואס האסטו זיך אבגעזאגט פון דער פריהערדיגער באלעבאסטע? האבט זיך די ביזס זיי אזוי געפעלען, דיר האלט געקענט זיין דארט שטענדיג גוט; אפשר איז דיר די באלעבאסטע ניט געפעלען? דאכט זיך זי איז זעהר א גוטע.

— איך האב צו דער באלעבאסטע גאר ... זי איז זעהר א גוטע פרוי, נאר איך וויל דארט ניט זיין; וואס האט איהר מיך צו פרעגען? מסתמא געפעלט מיר ניט דארט צו דיענען.

די פליישיגע האט פאר איהר געפונען א נייע שטעלע, נאר אבער ווייטער ניט אויף לאנג; אין עטליכע טעג ארום איז לאה ווייטער געקומען צוריק, און ווי די פליישיגע האט זיך נאכדעם דערוואוסט, האט זיך לאה ביים צווייטען מאל ווייטער אליין אבגעזאגט. די צווייטע באלעבאסטע איהרע איז זעהר געווען צופרידען פון איהר און האט זיך נאר געוואונדערט פאר וואס לאה וויל ניט דיענען ביי איהר.

די פליישיגע האט נאר געצויגען מיט די פלייצעס און ניט פארשטאנען דאס מישוגענע מיידעל. ווי זי האט זיך אויסגעדריקט. — וואס זי האט ניט גערעדט אבער איהר פאר וואס זאגט זי זיך אלע ...אב, האט איהר לאה נאר דאראויף ניט געענטפערט, חוץ איהר אלטען ענטפער:

— איך וויל ניט. איך קען דארט ניט דיענען.

לאה איז ווייטער געבליבען זיצען ביי דער מעקלערין אין שטוב; א טאג און א ...אג האט זיך לאה באטראכט אז אזוי זיצען איז קיין תכלית ניט. זי פארבארגט ...ך און פארשולדיגט זיך וואס אמאל מעהר און מעהר. די מעקלערין האט אויך דאריף אנגעהויבען קרימען די נאז. לאה האט געזעהן אז שלעכט איז איהר איבערן האלדז. איז זי צוגעטרעטען צו די אפליישיגע זי זאל געפינען פאר איהר נאך אמאל א שטעלע.

— נא וואס וועט זיין אז איך וועל געפינען, אז איהר האלט זיך ניט איין אויף קיין ארט? אזוינע דיענסטען זאל מען גאר מען פון מיין שטוב. האב איך פיינע, וואס וועט יענער דערנאך זאגען אויף מיר אז איך האב קיין לייטיש דיענסטען ניט צו געבען; ניין איך וויל אז איהר זאלט מיר באצאהלען וואס איהר האט זיך אנגעבארגט ביי מיר און זיך אועקגעהן פון מיר געזונטערהייד. איך בין דא ניט איינע, איז אדעם זענען ב״ה דא מעקלערינס גענוג.

— איך בעט אייך אבער איהר זאלט נאך איצטיגען מאל געפינען פאר מיר א שטעלע; איך זאג אייך צו אז איך וועל זיך שוין האלטען. עס מעג מיר אפילו שוין ניט געפעלען, קיין בזיונות האט איהר דאכט זיך פון מיר ניט געהאט, ניט יענער האט מיר אבגעזאגט. נאר איך אליין; איצטער אבער זאג איך אייך צו אז איך וועל זיך שוין האלטען, איך האב זיך שוין ענוג אנגעליטען. מיר איז זעהר שלעכט. איך פארשטעה גאנץ גוט אז איך האב זיך גאר אומזיסט געזעצט אויף אייער קאפ, איהר ענט אליין אן ארימע אידענע. וואס האב איך ביי אייך זיך אנצושארגען. איהר טהוט פון מיינעטוועגען אזוי אויך צופיעל וואס איך בין אייך גאר גאנץ אומשטאנד אבצוזאגען. געפינט נאר פאר מיר א שטעלע וואו איך זאל קענען נעמען פאר א חודש געלד פריהער וועל איך אייך פאר אלעס באצאהלען, מיט גרויס דאנק. איך וועל זיך שוין איצטער האלטען אויף דער שטעלע, עס מעג זיין וואס עס זאל זיין, איך האב שוין מעהר קיין כח ניט צו בידעווען.

— נאא וויב אזוי. פאר וואס ניט. הלואי וואלט איהר זיך פריהער אזוי באטראכט וואלט גלייכער געווען. איך וואלט געוועזען צופרידען און אייך וואלט שטענדיג גוט געוועזען, און אזוי וואס? איהר קענט נאך באקומען איין נאמען אז איהר קענט זיך אויף קיין ארט ניט איינהאלטען ... איך קיין שום באלעבאסטע ניט ... צונעמען, זאלט איהר זיך טאקע זעהן גוט באטראכטען. איהר זאלט ניט דארפען נאך אמאל קומען צו מיר, און איך וועל שוין זעהן זוכען פאר אייך איין ארט; באלעבאסטעס איז ב״ה דא גענוג. ובפרט נאך אז ביי וועמען איהר זענט געוועזען איז מען מיט אייך צופרידען געוועזען, פאר וואס זשע ניט?

עס האט ניט לאנג גערויערט איז שוין לאה ווייטער געוועזען אויף א נייער שטעלע. זי האט גענומען פאר א חודש

געלד פריהער און האט זיך מיט דער פליישיגער זעהר ארענטליך אבגערעכענט און באצאהלט פאר אלעס וואס זי האט אנגעבארגט און אויך פאר מעקלעריי.

לאה האט זיך גענומען זעהר פלייסיג צו דער ארבייט. אלעס אין שטוב האט זי אבגעטהאן גיך, ריין און שטיל; די באלעבאסטע דער באלעבאס און אלע אין שטוב האבען נאר אנגעקוואלען פון איהר, זיי האבען זיך נאר געוואונדערט וואס אין איהר ליגט ניט דאס אלין וואס מען זעהט ביי אנדערע דיענסטען, איהר שטילקייט איהר פיינקייט האט יעדער באמערקט אין שטוב.

א קארנער גראסערי סטאר צו פארקויפען מיט רומס צוזאמען די בעסטע קארנער אין די נייבארהוד מיט זעלטענע גוטע ביזנעס קיינע דעלווערי קעש טרייד אויך אלעס מיט רזאנייבעל רענט איילט אייך צו, עס איז זייער א זעלטענע געלעגענהייט. דיעזע סטאר איז שוין פארקויפט דורך א דעפאזיט נאר דער מאן קען ניט שאפען די גאנצע סומע געלט, דאס איז אייער טשענס נאכפרעגען 551 ריווארד סט. טעלעפאן טשערי 2450 ראבעליו

I. Sarver

קאנטראקטאר פאר

פיינטינג, פייפער העננגינג רעקארייטאר און פלאסטערער

137 ליווינגסטאן

גוטע ארבייט און ביליג.

שבת און יום טוב געשלאסען

יוזט פאלם-אלא

פאר׳ן מאגען א רפואה פאר׳ן פאקעט א ישועה

פאלם־אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאקאנאטס און פינאטס אויל, און אנדערע נאטור רייכע העדזשעטייבעלס און קען געניזט ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די ווייסטע ... מעטהאדען אין סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט־פרוף סאניטארע באקסעס.

פאלם־אלא איז אויסגעצייכענט גוט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. ניט אייערע קינדער פיעל פאלם־אלא, עס וועט זיי פיעל גוט טהאן און עס איז פיעל ביליגער ווי די אלד פעשאנד פוטער.

פאלם־אלא איז מיט זיין נאטירליכע רייכקייט און געשמאקייט ממש טעם גן עדן, און ווער עס טרייעט דאס צו יוזען איין מאהל, קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.

פאלם־אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דעטראיט ביי דער באוואוסטער „שעד קרימערי״. אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען סופלאי יעדען טאג.

געמאכט פריש יעדען טאג אין דעטראיט
גלייך פון דער פוטער פאס צו אייך

פאלם־אלא איז כשר בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר׳ יוסף תאומים דפה

גראסערי לייט

עס איז פאר אונזער בענעפיט איהר זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט ניט קיין טראבעל. איהר דארפט ניט וועגען, איהר דערלאנגט א פעקעדזש צום קאסטימער און דאס אלעס.

לעזט דעם הכשר:

הנני להעיד כי החמאה הנקראת Palm-Ola של The Shedd Creamery כשר לאכול בלי שום חשש ... [illegible]

יוסף תאומים ... רב בדעטראיט

הרב יוסף תאומים — Rabbi of the Congregation Beth Abraham — דעטראיט מיש.

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם־אלא

S. J. Bartush Co **West 1407**

דזשועלערי סייל

אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאר געפילטע

..זיינגערס

מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנד־טיקע מיט און אהן שטיינער.

רינגען

גאלדענע בראטשעס מיט אמתע פערלען. ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע

קדושין רינגלאך

גרויסע מציאות אין דיאמאנטען

The Boston Wholesale Jewelers

169 Griswold Street

3טער פלאר, נעמט דעם עלעווייטער.

אויסקינפטע פריי

זעהר גערן געגעבען איבער פאלגענדע ענינים: פאספארטען, ווי צו שיקען געלד אין אייראפא, ווי אזוי אריבערצוברענגען אייערע פאמיליעס. וועגען די רעכט פון לענדלארד און טענענטס, וועגען לאנד קאנטראקטען, מארטגעדזשעס, טעקסעס און אזוי ווייטער.

ווי צו ווערען א בירגער

וואו און ווי אזוי צו לערנען ענגליש, אלראטען פענסיע, ליבערטי באנדס, באנוסעס, אינשורענס און נטוראליזיישאן.

The Free Information Bureau

Detroit Board Of Commerce

קארנער וועין און לאפאיעט (2ער פלאר); שטונדען: 8:30 ביז 5:30

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!

— די —

סטענדערד בארעל קא.

האט געעפענט דעם אפיס אין

52 נאפאלעאן סט.

טעל. טשערי 8158

מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באטלס.

דוד האפמאן, מענעדזשער

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט

I. Frosh O.D.

אין 204 קלינג׳ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך׳ס דזשועלערי סטאר.

קויפט וואו אלע קויפען

גודס, פענסי דריי גודס, קוירטענס, קווילטס, בלענקעטס, בעסטע ברענד אונדערוועהר

ספעשעל רעדאקשאן פאר פעברואר!

מאכט קיין מיסטייק!

Philadelphia Dress and Dry Goods Co.

671 Hastings Street

Cor. Livingstone

פארלאנגט אגענטען סובסקרייבער פאר׳ן „וועג״. ליבעראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג״.

קוואסעלאוו און קאטליערס

האלסייל און ריטייל

דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נאי׳ גודס א. ז. וו.

454 הייסטינגס סטריט

נין יארק סטאר קלאדהינג קא.

596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן

סוטס, קאוטס, דזשעקעטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.

אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעסיגסטע אין שטאדט.

פ. בונין. פראפ.

H. M. Kofman

296 הענקאק עוו. איסט

טשערי 1472 מעלראוז 3595 דאבעלי

באזארגט זיך גלייך מיט איש און גארבעדזש, סעמענט רעספעטיקעלס, ווייל פון 1־טען מארטש ווערט די פרייז געהעכערט

ווארט ניט ביז די באארד אוו העלט וועט אייך באדערען.

JUDGE GAINEY



HAVANA

CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

CLASSIFIED

לואיס וועסטעראף ווערט געזוכט פון מרס. עני רובין פון מאנטרעאל. ווער עס קען איהם אדער ווייסט זיין אדרעס איז געבעטען צו מעלדען: 393 הייסטינגס סט.

די בעסטע פרייזען

פאר דייאמאנדס און אלערליי דזשועלערי

צאהלט

The Boston Refiners

169 Griswold St.

3rd floor take Elevator

צום פארקויפען 8 רום הויז. פרעגען מר. יודאוויטש, 127 סאוטה גרעשיאט עוו. טעל. 837 פרייז $5400 (4

פארלאנגט א פוירסט קלאס סיילסמאן אדער סיילסליידי צו ארבייטען אין א דריי גודס סטאר. רעפערענס פארלאנגט. שטענדיגע ארבייט. גוטע ווידזשעס נאכפרעגען סימפסאן, 2206 דזשאזעף קעמפו עוו. (3

מיר רענטען, ליעסען און פארקויפען פראפערטי. ליסטעט אייער פראפערטי מיט אונז. איהר וועט האבען באלדיגע רעזולטאטען. **העריס און לואיס** 481 ענטוויין סט. טשערי 8054.

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד של אמת, א פעהיגער אינטעלעגענטער מענש וועט קריגען גוט באצאלט, זיך ווענדען צום סופעראינטענדענט מר. איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנצע וואך.

גרויסער בארגען

צו פארקויפען א 4 פעמילי פריים הויז 5 רומס, אויף גודווין נעבען וועסטמינסטער. $10.5000 מוז האבען $5,700 קעש. פרעגען: גארטוועי 4967 עם (3

גראסערי צו פארקויפען אין בעסטען אידישען נעגענד. מאכט מעהר פון $800.00 א וואך ביזנעס. רופט גארטוועי 4749־אר.

צו פאררענטען 5 רומס 700 הייסטינגס סט. ביליג רענט צו דעם וואס וועט איבערנעמען די פארניטשור, פרעגען מר. סאפרין.

צו פארקויפען א גראסערי און קענדי סטאר, אין א גוטען אידישען לאקיישאן, גאראנטירט $125.00 ריינעם פראפיט. פרעגען באקס 100

צו פאררענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט

— 204 הענקאק איסט

פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטערארישע אווענטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות. ביליגע פרייזען.

פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.

כ. שטארק.

בארגיינס אין הייזער

א הויז צו פארקויפען אין 165 וועסטמינסטער. 10 רומס, 3 אויטאמאביל גאראדזשען. דער לאט פארנעהמט 50 ביי 125 פוס. האט אלע אימפרואוומענטס פרייז 14 טויזענד דאלער. קעש פיער טויזענד דאלער.

פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690.

א הויז צו פארקויפען אין מארסטאן נעבען רזשאו אר. 11 רומס, מיט אלע אימפרואוומענטס. דער לאט 65 פוס. קעש 3,500 דאלאר.

פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690

אינטעליגענטען

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

און מרים איז דארט מיט איין מאל איינגעפאלען. זי האט שרעקליך גע־בענקט נאך די קינדער און איינמאל האט ער ערהאלטען א בריעף, שוין ניט גע־שריעבען מיט איהר האנד.

— שיק מיר אויף הוצאות. איך וויל קומען אהיים. — האט זי זיך געבעטען

— אויב מיר איז באשערט צו שטאר־בען, וויל איך אז אלע מיינע קינדער זא־לען זיין ביי מיין טויטען בעט. זאלען זיי תמיד געדענקען אז זיי האבען געהאט א מאמע, וואס האט זיך פאר זיי מקריב געווען.

דער דאזיגער בריעף האט ביי איהם גערויבט זיין שלאף, ווי א צומישטער איז ער געזעסען ביי דער ארבייט און נאך דער ארבייט איז ער געזעסען אין הויז און האט געיאמערט, און געקלאגט. ער האט זיך קיין עצה ניט געקענט גע־בען.

ער האט גוט געדענקט וואס דער דאק־טאר האט איהם אנגעזאגט — זי מוז זיין דארטען, דא איז איהר לעבען אין א ריזיקע.

אין דער זעלבער צייט האט ער זעהר געוואלט באפרידיגען איהר ווונש. ער האט זיך פארגעשטעלט וואס דאס מיינט פאר א מוטער, וועלכע איז אזוי פיעל יאהרען געווען לעבען איהרע קינדער טאג און נאכט, יאהר איין יאהר אויס.

ער האט זי געקוויסט אין די בריעף און ער האט זי פערזיכערט, אז אין פיער וואכען ארום שיקט ער איהר ארויס געלד אויף צו קומען אהיים.

עס איז פאראיבער א וואך און ער האט מעהר פון איהר קיין בריעף ניט ערהאלטען. ער האט שוין לענגער ניט גע־קענט ווארטען און טעלעגראפיש האט ער אנגעפרעגט:

— וואס האט פאסירט מיט מרים'ן?

אויף מארגען האט ער ערהאלטען א פאסטעל קארד אהן אן אונטערשריפט:

— מרים בלאך געשטארבען יולי 7טען אין דענווער קאלאראדא.

אין הויז איז געווארען א חורבן. ער איז אומגעגאנגען ווי איינער וואס האלט ביים פארליערען דעם פערשטאנד.

— געשטארבען! — האט ער פערבי־טערט גערעדט צו זיך אליין — געשטאר־בען און איהר לעצטער וואונש איז ניט ערפילט געווארען. זי האט ניט געהאט די קינדער לעבען זיך. דער דאזיגער גע־דאנק האט איהם זעהר געמאטערט.

יעצט האט ער זיך גענומען פארשטע־לען אז דאס לעבען זיינס איז שוין צע־בראכען אויף אייביג.

— פינף יתומים — האט ער גערעדט צו זיך אליין און פון דעם דאזיגען גע־דאנק האט איהם געגרויזעלט אין יעדען אבר. — דאס עלטסטע קינד, קוים צוועלף יאהר אלט. די קינדער וועלכע זיינען די לעצטע צייט שוין אויך געווען געגוג פער־דארבען, האבען יעצט אויסגעזעהן ווי שאטענס. זיי האבען שוין מעהר ניט גע־שטיפט, האבען ניט געדעדט, — שטיל און דערשלאגען זיינען זיי אויפגעשטאנען און זיינען א פאר וואכען צייט פון הויז ניט ארויס. בלאך האט זיך פינדעסטוועגען אנגעשטרענגט מיט אלע כוחות ניט צו פערליערען זיך. ער האט געארבייט און האט געזוכט צו פערלייכטערען דעם עלענד פון זיינע קינדער. — און א שטי־קעל צייט ארום האבען די קינדער פונ־קטווייז זיך בארוהיגט און האבען ביסלעכווייז אנגעהויבען צו פערגעסען זייער עלענד. זיי האבען אנגעהויבען ארויסקומען אין גאס אריין, האבען גע־שטיפט און געשפיעלט זיך מיט אנ־דערע קינדער.

דאמאלט ווען זיי פלעגען צוריק קו־מען זיינען זיי געווען ווילד און צעטרא־גען. זיי האבען זיך ארומגעקריגט מיט דער דיענסט, בעת ער איז אין הויז ניט געווען און אין א שעהנעם פריהמארגען האט די דיענסט פערלאזען דאס הויז און איז מעהר ניט צוריק געקומען. קיין ניע דיענסט האט ער שוין אזוי גיך ניט געקענט קריגען. קיינער האט ניט גע־וואלט געהן אין א הויז וואו עס זענען פאראן פינף קינדער, איבערהויפט ווען זיי האבען זיך דערוואוסט אז קיין מו־טער איז אויך ניטא. דאמאלס ערשט האט ער זיך דערפיהלט דער עלענדסטער אין דער וועלט.

ער פלעגט אהיים קומען פון דער אר־בייט, די קינדער זיינען ניט געווען אין הויז.

די טירען זענען געווען אפען און אלעס אין הויז איז ניט געווען אויף דעם ריכטיגען פלאץ. די בעטען ניט צו־געבעט, דאס געשיר ניט אויבערגע־וואשען און צעשטעלט איבער דער גאנ־צער הויז.

— יעצט ווייס איך וואס עס מיינט א פרוי אין הויז! — האט ער צו זיך אליין גערעדט — עס איז גאר ניט אפ־צושאצען מיט קיין געלד — און ער פלעגט אומגעהן, פערטרויערט און רע־

— אך, מרים, מרים! ערשט יעצט ווען איך האב דיך, וואלט איך זיך גע־וואוסט ווי אפצושעצען.

עס פלעגט איהם נעהמען שטונדען לאנג, ביז ער פלעגט ברענגען די הויז אין ארדנונג. אליין האט ער צוזויפגע־לעגט דאס בעדי געוואנד. אליין איז ער געשטאנען איבער א קעסעל וואסער און האט איבערגעוואשען דאס געשיר און דערנאך ערשט האט ער זיך אנגעהויבען באשעפטיגען אין קיך ביים אויוועז און נאך דעם ווי ער האט צוגעשטעלט פיש קאכען, איז ער ארויס אין גאס אויפזוכען די קינדער.

און אין גאס האט יעדער שכן און יעדע שכנה געקוקט אויף איהם מיט מאדנע רחמנות בליקען און ער האט זיך קוים געקענט איינהאלטען ניט אויסצו־ברעכען אין א געוויין.

— אפשר האט איהר געזעהן מיין משה'לען? — האט ער זיך נאכגעפרעגט ביי די שכנים. אויף דאס אינגסטע קינד א אינגעלע פון א יאהר זעקס, וואס פלעגט יעדען אווענד פארשוואונדען ווערען אויף דער גאס.

— שוין איינמאל א משה'לע! — זאגט מען איהם ניט איינמאל אויף שי־כען זאלין אויף די וואנדען.

— וואו ערגיץ א לאך איז ער פול. מען האט איהם היינט שוין שיעור ניט איבערגעפאהרען אויף טויט.

און די שכנים הויבען אן דערצעהלען ווי דער קליינער משה'לע איז ווילד ווי א האין און ווי ער רעדט אלעמען אנטקעגען

און שלאגט זיך מיט אלע קינדער אין גאס און קריכט אויף די אייז וועגען.

ווען בלאך געפינט שוין משה'לען, ער־גיץ אין א דריטער גאס, א פארשמירטען מיט צעריסענע הויזלעך, מיט א צעדרא־פעט פנים'ל און ברענגט איהם אהיים, איז שוין שפעט אין אבענד. דאס טעפעל אויפ'ן אויוועז איז צעברענט. דאס געקעכטס אהן טעם און די קינדער זיינען אהיים גע־קומען און זיינען איינגעשלאפען. ווער אויף א שטוהל, ווער אנגעשפארט אויפ'ן טיש און ווער אין מיטען שטוב אויף דער ערד ניט געגעסענערהייט.

די איינציגע וועלכע שלאפט נאך ניט איז מלכה'לע דאס עלטסטע מיידעל אין צוועלפטען יאהר.

מלכה'לע איז זעהר א שעהנע, פונקט אין דער מוטער געראטען. איהרע שוואר־צע גרויסע אויגען זיינען פול מיט פייער און דאס פנים איהרס איז אזא לויטערס, א חן'עוודיגעס, חאטש מלכה'לע איז נאך אזוי יונג פיהרט זי זיך אויף פונקט ווי א גרויסע. איבערהויפט זינט די מוטער איז געשטארבען און עס קומט איהר אפט אוים ארויסצוהעלפען אין הויז. אמאל עפים אויסוואשען פאר א קינד קליידעלע און אמאל עפים אבקאכען פאר די קינ־דער, איז מלכה'לע אפט זעהר אונצופריע־דען און עס אין הויז ניט איינזיצען און אויף דער נאכט, ווען די קינדער ווערען שוין איינגעשלאפען, נעהמט מלכה'לע און זעצט זיך אוועק אין דרויסען אויף דער ווערענדא מיט א ביכעל אין האנד אזוי ווי זי איז זעהר א שעהנע און א לע־בעדיגע שטעלט זיך אפט אב יעדער שכן'ס א אינגעל און פארפיהרט מיט איהר א געשפרעך.

מלכה'לע איז ניט קיין שעהמעוודיגע און זי שפאסט מיט די אינגלאך און פארברענגט מיט זיי.

בלאך וויל דאס ניט ליידען און ער רופט איהר אין הויז אריין.

— געה שוין אריין, מלכה! שוין צייט אויסצוטאן און לעגען די קינדער שלאפען. און מלכה האט שטארק קיין חשק ניט איבערצולאזען די אינגלאך און זי ענטפערט אונצופריעדען.

— ס'איז נאך פריה איך וויל נאך ניט שלאפען

— אבער די קינדער שלאפען שוין, מען דארף זי אויסטהאן! — שרייעט בלאך אויף איהר.

— וואס ביזטו אזוי פארנומען דאר־מען.

— גאר ניט! — ענטפערט מלכה און קומט אריין און נעהמט זיך אויסטאן די קינדער אויף גיך און ווען זי ווערט פארטיג, לויפט זי ויעדער ארוים אין גאס אריין, צו די אינגלאך.

און בלאך איז שטארק באאונרוהיגט וועגען איהר.

— זי איז אזוי נאאיוו — קלעהרט ער — עס איז ניטא די מאמע וואס זאל היי־טען יעדען שריט.

און גאנצע נעכט ליעגט ער אב אויף זיין געלעגער, צו זינע אויגען נעהמט זיך קיין שלאף ניט.

— יתומים, פינסטערע יתומים! — רעדט ער צו זיך אליין און באוואשט זיך מיט טרעהרען.

קאפיטעל י'ט

א פאשווינדעלטע פאנטאזיע

בעלל האט זיך אויפגעהאפט ערשט ווען עס איז שוין געווען גוט פינסטער.

ווען ער האט געעפענט די אויגען איז די גרעפין שוין געווען צוריק. זי האט זיך געהאלטען אין איבערטהאן איהרע קליי־דער מיט וועלכע זי איז געקומען פון גאס.

ער איז געווען שטארק אויסגעמאטערט און ער איז א היבשע עטליבע מינוטען אזוי געלעגען אויפ'ן בעד און האט פון איהר קיין אויג ניט אראבגענומען.

— האסטו גוט געשלאפען? — האט די גרעפין איהם א פרעג געגעבען און האט זיך אוועקגעזעצט לעבען איהם אויף א ברעג בעט און זי האט פארדייכערט א פאפיראס.

גרענד טשאריטי

באל

ווערט געגעבען ביי די

לידיעס פון דעטראיט

שבת אווענט דעם 6טען מארטש
אין שרייבערס האלל

הייסטינגס קאר. אוירסקין

ריעזער באלל ווערט געגעבען אום ארויס־צוהעלפען א פרוי מיט זעקס קינדער פון א הונגער טויט, עס איז איבעריג אייך צו בעטען, דער צוועק רעדט פאר זיך אליין.

קאהן יוניאן ארקעסטער האט דאנייטעד די מוזיק פאר דיזען אווענט.

טיקעטס 35 סענט

האט איר ריעל עסטייט צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפע פאר דער העכסטער פרייז דורך די „צו פארקויפען" אדס פון „וועג"

Phone Main 3715

ניט אלע טאג איז פורים!

און ביי אייער פרוי. ביי אייער כלה, ביי אייערע קינדער וועט זיין שטארק אנגעלעגט. ווען איהר וועט זיי פרעזענטירען מיט א

שלח מנות

געקויפט אין מא ע עהרליך'ס דזשועלרי סטאר, וואו דער גאנצער סטאק איז צוזאמענגעשטעלט מיט אזוי פיעל פראכט און גלאנץ מיט אזוי פיעל געשמאק און אין דער זעלבער צייט וועט איהר שפארען געלט. ווייל עהרליך'ס פריזען און באדינגונגען זענען די בעסטע אין גאנץ דעטראיט.

„עהרליך:
בעהאנדעלט"

ער גרעסטער האלסייל און ריטייל דזשועלרי געשעפט אויף דער איסט סייד.

MOE EHRLICH
WATCHES DIAMONDS JEWELRY
SILVERWARE

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניען, יוגא-סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט.

פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער. דזשענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

געגענאיבער דער הויפט אפיס. אפען טעגליך פון 8 ביז 6, שבת ביז 3 נ. מ.

איבער אלעס



געמאכט פון ריינעם האוואנא

[illegible]

יעדער מאן רויכערט דאס

Panama Cigar Mf'rs, Makers

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

כשרות און אלטע קאוויארען

(מכה א ליבענסווערטע אויפטו פון הרב לעווין)

דער דעטראיט'ער שטאדט קאונסיל האט געפאסט א באשלוס, מיט דער צושטימונג פון מעיאר קאוזענס, ליט וועלכען עס קען אנגעקלאגט ווער־רען און געריכט יעדער וואס פארשווינדלט אימיטאציע דורך אדווערטייז־מענטס.

גראד איז דאס מאל, די רייד מכח אלטע מעבעל, אלטע קאוויארען ובדומה „סעקאנד הענדיגע“ חפצים.

איז דאס לויט אונזער חוות דעת א לויבענסווערטע טאט. דער „סיטי קאונסיל“ פארדינט אונזער אלעמענס דאנק דערפאר וואס ער האט אינ־זינען די דעטראיטער בירגער פארהיט זיי פון מעגליכע שווינדלער.

אין אין דערוועלבער צייט אבער פרעגט זיך אונז א פראגע, א פראגע וואס איז, אייגענטליך, אונז אלס אידען זעהר נאהענט: — וואס אום הי־מעלס ווילען, איז דער חילוק צווישען אן אנאנסע מכח אלטע שמאטעס און כשר'ע וועטשערעס?

ווארום זאל מען קיינעם נישט טארען אפנארען ווען די רייד איז מכח „סעקאנד הענד“ קאוויארען און עס זאל ערלויבט זיין אפצונארען אין כשר'ע רעסטאראנען?

אין פונקט ווי מיר האבען עס שוין מיט א טאג אדער צוויי צוריק מודיע געווען אויף דעסועלבען פלאץ, אזוי ווילען מיר אויך איצט אונטער־שטרייכען, אז קיינער זאל אונז, אדער בעסער געזאגט, דעם שרייבער פון דיזע שורות, נישט חושד זיין אין מאראל־פארדיגען, אדער אננעהמען זיך גאט'ס קריוודע, אדער ווערען א משגיח אויף כשרות און עהנליכע אזעלכע אסטען וואס מעגען זיי זיין ווי ליטיש און פיין, פאסען זיי זיך אבער נישט ...

פוילען'ס נייער אויסלאנדס-מיניסטער

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)
פון א. אלמי

ס. פאטעק, וואס איז געווארען אויסער־ען־מיניסטער פון פוילען באלד נאכ'ן פאר־... פון פאדערעווסקי'ס רעגירונג, איז ...ט'ן געווען אומבאקאנט אין די פאלי־טישע און דיפלאמאטישע קרייזען פון מערב - אייראפא; עס איז אויך נישט באַ־קענט צו דער אידישער עפענטליכקייט פאטעק'ס באציהונג צו אידען, צו זייערע נאציאנאלע אינספיראציעס אין די גרע־נעצען פון דער פוילישער מדינה.

ביז איצט האט די וועלט נישט געהערט פון פאטעק'ן אלס פיהרער, אלס נאציאנא־לעם פיגור, אלס פאליטיקער און פלוצים, איבער א נאכט, איז פאטעק געווארען אן אינטערנאציאנאלע פיגור, דער הויפט פון פוילען'ס אויסלענדישער פאליטיק — א ...

...

ביי דער כותל מערבי

(ערינערונג פון א לעגיאנער, ספעציעל פאר'ן „וועג“)
פון עקס פריוועט ליסס

אויף אייביג וועט דער טאג וואס איך האב געקראגען ערלויבניש צו פארען באַ־זוכען ירושלים בלייבען איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איינענטליך בין איך שוין דאן אן אל־טער סאלדאט געווען און געקראגען מערע־רע מאל ערלויבנישען צו באזוכען אזעלכע אינטערעסאנטע פלעצער ווי לאנדאן, קאַ־ירא, אלעקסאנדריע אבער קיין מאל בין איך ניט געווען אזוי פיעל אויפגערעגט פון פרייד ווי דיזען מאל, עס איז געווען מיין גרעסטער גליק אין לעבען צו פארען זעהן די כותל־המערבי.

שנעל האב איך אויסגעפוצט מיין ביקס נע קנעפלאך, זיך צורעכט געמאכט מיט שלחן־ערוך און נישט ווארטענדיג פאר אלעם פינקטליך נאך דעם סאלדאטסקען דעם דינער - ביוגעל האב איך אין די רעכ־טע היין פון טאג פארלאזט דעם קעמפ און באַאינעט. אפגעלאגט מיינע מעשע־באר - יעקב און זיך געלאזט אין דעם ט־גפען זאמד נאך לוד סטיישאן, א מהלך פון צוויי שטונדען.

ווילען מיר זייערע ארטיקלען פארקויפען, און קוק מיך וועניג אום צו די פיעלע גיידס (וועגווייזערס) וועלכע שרייען כתל־מערבי אדער „ווייליגג־וואל“. איך לויף שנעל ווי א בליץ צו יענעם היילינגען ארט וואוהין מיך ציהט.

מעהר ווי איינמאל האב איך שיער מיין קאפ געבראכען ווען די טשוועקעס פון מיינע סאלדאטסקע שיך האבען זיך אויסגעגליטשט אויף די נאסע, שמוציגע שטיינער וועלכע געהען אלץ בארג אראפ.

ארום א האלבע שטונדע גאנג אין די־זען געסעל און איך בין דורך אזא מין טויער, און אין א דורכגאנג וואס איז שמאל נאר פאר אין מענשען ברייט, האב איך זיך אנגעהויבען צו גליטשען בארג אראפ די שטיינערנע טרעפ, ביז ענדליך האב איך זיך געפונען אין א פלאץ וואו עטליכע פרויען און מענער זיינען געזעסען אין פראנט פון אן אלטער שטיינערנער וואנט, מיט נעמען געקריצט אויף יעדען שטיין, און האבען געוויינט, תהילים גע־זאגט, און צדקה געבעטען.

לישער סאלדאט ווי א אידישער און דיא וואנד איז אויך ווייט פון צו זיין וואס איך האב אלס קינד געדענקט.

איך פארלאז שנעל דאס פלאץ, אבער נישט אויף לאנג. עס ציהט מיך צוריק אהין, עפעס פיהל איך ווי מיין בעסטער פריינד שטעהט דארט הילפלאז און שנעל לויף איך צוריק אהין.

אפשר אמאל צוועלף האט זיך דאס זעלבע ווידערהאלט, ביז איך בין צו אין מיט קושען באדעקט די שטיינער, און דאן א מידער צוריק מיין וועגס אוועק.

א אידישע נורסערי געגרינדעט

יווערטהער רעדאקטאר פון „וועג“

אזוי ווי איך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געווען די גרינדערס פון דעם בית יתומים, יעצט שטעהט שוין דער דער בית יתומים אויף איין שטיקעל באַ־דען האבען מיר זיך ארומגעזעהן אז אוי־...

...

ליעדער

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)
פון מאקס גאטהעלף.

מיין טרעהר

פארציגען איז מיט אייז, דער שטראם
— דער שטראם, וואס יאגט דורך בערג און טאל
מ'הערט נים מעהר זיין הייבען קול.
וואס פלעגט פארטייבען דעם געהער.
ער יאגט זיך נים, און רוישט נים מעהר
שטים, פארגליווערט איז דער שטראם...

פארגליווערט איז נאך נים מיין טרער...
— מיין טרער וואס פליסט, פון דורות — און
וואס האט געוועבט, די ציון־פאהן...
וואס האט געוועקט די מוטער־ערד
געגעבען מיט, דעם שוואכ'ס שווערד...
זי פליסט נאך יעצט, און פליסט נאך מעהר...

איך ליעב דעם טאג

(געווידמעט אסתר בעקערמאן)

איך ליעב דעם טאג וואס ברענגט מיר שיין
וואס ערוואכט די וועלט פון טיעפען דרימעל,
וואס ציינט דעם מענשענס, שמערץ און פיין,
...ן עס שוועבט די זון אין מיטען הימעל...

איך ליעב דעם טאג, דעם העלען טאג,
מען דערזעהט אין איהם מיין טריעבע טרעהר
מ'דערהערט אין איהם מיין גרויסען קלאג
א טרייסט, א האפנונג גיט ווער...

איך ליעב דעם טאג, דעם טאג דעם העלען,
ב'געה זיך דאן מיט פעסטע טריט.
און ערגעץ וואו וועל איך זיך שטעלען,
פארשטויסען וועט מיך קיינער נים...

די „וועג“ מאכט אלע דרוק ארבייט שנעל און גוט

ביי איין טיש מיט גרויסע מענשען.

(באארבייט ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון א סניטקאווער

פאר דעם יעניגען וואס האט ליעב ביכער און איז פאראינטערעסירט צו וויסען ווי אזוי ביכער ווערען געשריבען און ווילען קענען די פערזענליכקייטען פון די שרייבער איז ניטא קיין גרעסערער פארגניגען ווי צו זיצען ביי איין טיש מיט צוויי, דריי שריפטשטעלער, ביי ניט קיין אפיציעלען מיטאג, זיצען און שווייגען, און זיך איינהערען ווי שריפטשטעלער צווישען זיך ריידען פון זייערע צייט־קאלעגען און זייערע ווערק.

ניט לאנג צוריק האבען אין סאוואי האטעל זיך פארקליבען צו א מיטאג דזשארדזש בערנארד שאו, סיר האל קעין און דזשארדזש הענריע ניעל.

האל קעין און בערנארד שאו זענען אלטע גוטע פריינד, מיט יאהרען צוריק, ווען שאו איז נאך געווען א טעאטער־קריטיקער, און האל קעין האט נאך אלץ ערלויבט אז אנדערע שרייבער זאלען אדאפטירען זיינע נאוועלען פאר דער ביהנע, האט שאו איהם איינמאל זעהר שטארק אנגעגריפען, פאר וואס ער ערלויבט אז אנדערע זאלען איהם דראמאטיזירען און טוט דאס אליין ניט.

האל קעין ווייעדער האט זיך צו יענער צייט פארהאלטען אזוי שעהן ווי קיין אנדער שרייבער וואלט עס ניט געקענט. (דאס איז איצט שאו אליין מודה, ווען ער רעדט וועגען דעם ענין). און זינט דאן האט שאו קיינמאל ניט געשריבען קיין איין אטאקע, ניט געברויכט קיין וואלגאר ווארט, וואס איז ביי שאו'ן א זעלטענהייט און זיי זיינען פארבליבען שטארקע גוטע פריינד אויף היינטיגען טאג.

האט איהר אמאל געזעהן א בילד פון שעקספיער'ן? שטעלט עס אייך אוועק אנטקעגען, לעגט צו עטליכע יאהר, מאדערניזירט עם אביסעל און איהר האט פאר זיך דעם נאוועליסט און דראמאטורג האל קעין.

ער איז שוין אן עלטערער מענש, פון מיטעלען וואוקס, זיינע האר זענען שוין ניט מעהר רויט ווי אמאל און ער טראגט זיי גאנץ לאנג. זילבער ווייס און זיידיג ווייך פאלען זיי אריבער איבער זיין האלז. טראגט א ברייטען קראגען מיט פליגלען, די באָרד איז ארומגעשניטען „אלא אימפעריאל" און אויך דאס מאכט איהם עהנליך צו שעקספיער'ן.

זיין אויסשפראך איז פאעטיש. נאר מאָדנע ווי צייטענווייז דריקט זיין געזיכט אוים א ליידענשאפטליכע בענקעניש ווי איינער, וואס טרוימט און באגעהרט, כאָטש דאס איז א וואונדער ווייל קעין איז דאך אן ערפאלגרייכער מענש און האט געמעגט זיין מיט זיך גאנץ צופרידען.

אויערען האט ער גרויסע, ליכטיגע און פון ברוינעם קאליר.

דזשארדזש בערנארד שאו זעהט אוים ווי ער וואלט גענומען א באד יעדע שטונדע אין טאג, איז העכער פון געוועהנליכען מענשען, דינער ווי דער געוועהנליכער מענש, מעהר אקטיוו און שנעלער, ריהרעוודיגער אין זיינע באוועגונגען.

זיינע באוועגונגען רעדען פון ענערגיע, אפילו זיין באָרד ווייזט אויף טעטיגקייט.

זיין שנעלינקייט, זיין וויץ און אינטעלעקט איז אפגעשטעמפעלט אין זיין גאנצען קערפער. זיין קערפער און גייסט פאסען זיך צו מערקווירדיג פיעל בעסער ווי עס קען נאר געמאלט זיין, עס איז א לעבעדיגער דראט, א מענשליכע דינאמא.

שאו האב איך באגעגענט מיט יאהרען צוריק, פארגעסענדיג זיך, אז א סך יאהרען זיינען שוין זינט יענער צייט ביי איך יעווען גרייט פאר זיין רירעוודיגער רויטער באָרד, אבער איך בין איבערראשט געווארען. זיצענדיג צו זיין רעכטע האנט ביי דעם טיש, האב איך זיך גוט איינגעקוקט אויף איהם. די אירלאנדישע אויגען זענען נאך היינט אויך אזוי שארף און בלוי ווי געווען דער געלעכטער ליגט אין די ווינקלען גרייט אויסצופלאצען צו יעדען אויגענבליק. דאס מויל איז פונקט אזוי הומאריסטיש ווי אמאל. יעדעס מאל ווען א מעשה, געפעלט איהם, פארוואָרפט ער מיט'ן קאפ און צולאכט זיך פונקט ווי א יונגער אינגעל, און יונגע, צוויי און דרייסיג און צוואנציג יעהריגע מענשען ארום איהם קוקען אויף איהם און וואונדערען זיך, ווי קען א זקן נאך אזוי לאכען און ווארפען מיט'ן קאפ, און אזוי לייכט זיך באוועגען!

אבער די באָרד! די בארימטע, פייערדיגע אראנזש רויטע באָרד האט זיך אויסגעבלייכט.

אבער עם איז א יוגענדליכע ווייסקייט, און ווירקט באציבערענד און פארקאפט איך פונקט ווי אמאל די רויטע באָרד.

קיין איין וואָרט איז ניט אויסגערעדט געווארען בין דער קעלנער איז ניט צוגעקומען צו שאו'ן און א זאג געגעבען „טוי און דזשעלא".

שאו האט איהם ווידערהאלט: „איי או דושעלא"...

וויסט וואס ער וויל. פארשטעהט זיך אז אלע האבען נאכגעזאגט: „איי און דזשעלא" אבי מען זאגט, אז שאו איז קיינמאל ניט ערנסט! — האב איך זיך געטראכט.

שאו, אלס וועגעטאריאנער האט באשטעלט מאקאראני, האל קעין האט איהם אבגעטאן. דזשארדזש ניעל האט געמאכט א קאמפראמיס און אנשטאט פלייש האט ער גענעסען סקאטישע סעמאן. זיי האבען געענדיגט מיט א פרוכט סאלאד און קאפע. שאו האט זיך ענטזאגט צו טרינקען קאווע, האל קעין, וועלכער האט ערשט גערויכערט נאך א סיגאר האט געפרעגט שאו'ן אויב ער רויכערט.

„ווען איך בין נאך געווען א יונגערמאן — האט שאו א זאג געגעבען — האט מיר מיין טאטע געזאגט — „מיין קינד, איך האב מורא, אז איך בין געווען א דורכפאל, דעריבער נעם מיך פאר א ביישפיעל און דאס וואס איך האב געטאן, זאלסטו ניט טאן". מיין טאטע האט גערויכערט און געטרונקען. איך האב גענומען זיין עצה".

אלס ענטפער אויף שאו'ס פראגע וואו ער איז געבוירען, האט האל קעין געענטפערט, אז בעסער וואלט ער געווען געבוירען געווארען אין דער היים, נאר זיין מוטער איז גראד דאן געווען צו באזוך אין דער פרעמד.

— און וואו זענט איהר געבוירען געווארען, שאו?

— דאבלין. איך בין דארטען געבוירען געווארען אין 1850 און דאס פלאץ פילט מיך אן מיט כעס און אויפרעגונג. איך האב ליעב דאס לאנד ארום דאבלין, ניטא קיין בעסערע לופט נאהענט צו א שטאָדט ווי ארום דאבלין, נאר טאמער קום איך נאר אריבער די קאנאל בריק, געברויך איך די ערגסטע שפראך, ביי יעדער טריט וואס איך מאך. איך קוק ארויף און זעה אז איך בין לעבען בענאט סט. „פארדאמטע בענאט סט.!"

איך כאפ נאך א קוק „סטעפען'ס גרין" הויב איך אן ווידער שילטען 'פארדאמטע סטעפען'ס גרין" פאר מיין פרוי, איז דאס זעהר שווער, ווייל זי איז שטארק צוגעבונדען צו דאבלין, און זי וואלט דארטען פארבליבען לענגער. ווען איך זאל זיך ניט זידלען און שילטען אזוי אפט. איך פיהל זיך אבער מעהר בעקוועם אין לאנדאן".

דא האט אן אמעריקאנער איבערגערעדט דאס געשפרעך אריינוואָרפענדיג א פאר ווערטער וועגען זיין באליעבטע אמעריקא — איהר זענט אמאל געווען אין אמעריקא?" האט ער איהם געפרעגט.

— ניין. איך האב מורא, זיי וואלטען מיך ארעסטירט!

— פארוואס? האט האל קען איבערגעפרעגט מיט א שמייכעל. „עס איז א פארשטענדליך, ציוויליזירט לאנד, קענט איהר זיכער זיין". דערנאך האט קעין צוגעלעגט — אפשר טאקע דערפאר. וואס?

— נים דערפאר — האט שאו געענטפערט, נאר ווייל אין די מייסטע שטאטען פון אמעריקע זאגט מען זענען פאראן געזעצען וואס זאגען אז אויב א מאן טוט וואס־עס־איז אום ארויסצורופען פארערונג ביי א פרוי, קומט איהם דערפאר עטליכע יאהר געפענגעניש. דא זעהט איהר מיך אין אז אלטען ברוינעם סוט, אבער ווען איהר זאלט מיך זעהען זומער אין מיינע ספארטישע קליידער, וואלט איהר מיר אויך אפשר איינגעזעצט אויף עטליכע יאהר דערפאר — אין אן אמעריקאנעם דזשאן. דעריבער האלט איך זיך צוריק פון אמעריקא".

זיי האבען נאך גערעדט, איבער וואס האבען זיי דען ניט גערעדט? ביז שאו האט זיך געכאפט פאר'ן זייגער און אויסגעשריען א ס'איז שוין האלב נאך דריי. האל קעין האט געטאן דאס אייגענע.

„מיר האבען גערעדט צוויי און א האלב שטונדע". — האט שאו באמערקט — שוין לאנג אז איך האב ניט גערעדט אזוי לאנג", טוט מיר זעהר לייד.

די מזרחי וועלט קאנפערענץ אין אמסטערדאם

(אויספיהרליכער באריכט)

די הויפט באשלוסען פון דער מזרחי וועלט קאנפערענץ זיינען שוין באוואוסט אונזערע לעזער פון די ספעציעלע טעלעגראמען. מיר גיבען דא איצט אן אויספיהרליכען באריכט פון דער קאנפערענץ, לויט א ספעציעלע קארעספאנדענץ פון אמסטערדאם.

די קאנפערענץ האט זיך געעפענט מיטוואך, 13־טען יאנואר אין דער אנוועזענהייט פון דעלעגאטען פון כמעט אלע וועלט־טיילען און א גרויסע צאל געסט. געעפענט די קאנפערענץ האט דער מאלער הערמאן שטרוק פון בערלין מיט א קורצע שעהנע רעדע. אין פרעזידיום ווערען געוועהלט: הרב לאנדוי, זאווערציע, עהרען פרעזידענט; כאחאם־באשי עוזיאל — עו־שטער פרעזידענט; הרב מאיר בערלין — פרעזידענט; הרב שיינפעלד, לאנדאן, הרב דיפריז, הארלעם, הערמאן שטרוק, בערלין ביזיצענדע.

הרב מאיר בערלין נעהמט איבער דאס פרעזידיום, באדאנקט פארן כבוד וואס איז איהם צוגעטיילט געווארען און ווייזט אן אויף דער גרויסער וויכטיגקייט פון דער קאנפערענץ. ער דערמאנט אויך די נעמען פון די נפטרים אין דער מזרחי ארגאניזאציע ווי: הרב ריינעס, דר. מעלער, דר. בארט, א. א. וו.

עס ווערט אנגענומען א באשלוס צו שיקען א דאנק טעלעגראמע צו דער האלענדישער רעגירונג.

איינגע דעלעגאטען גיבען איבער באריכטען וועגען דעם צושטאנד פון מזרחי אין זייערע לענדער.

דר. האנטקע, מיטגליעד פון ענגערען אקציאנס קאמיטעט, באגריסט די קאנפערענץ און שטעלט זיך אפ אויף דעם איצטיגען מאמענט אינ'ם ציוניזם. קיין איד — זאגט דער רעדנער — טאר איצט ניט שטעהן אויסער דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. זאל ער געהערען צו דער אדער צו דער צווייטער פראקציע אין ציוניזם — אבער ער מוז זיין אינעווייניג און ניט שטעהן פון דרויסען. דער מזרחי שטעהט איצט פאר א גרויסער, ריזיגער ארבייט. ער וועט ארומנעהמען די ברייטע שיכטען פון פאלק, ווייל זיין פראגראם שטימט איין מיט די אלטע טראדיציעס אין אידישען פאלק.

איניגע דעלעגאטען גיבען אפ באריכטען וועגען דער מזרחי טעטיגקייט אין זייערע לענדער. א באזונדערען איינדרוק מאכען די באריכטען פון הרב י. ל. פישמאן — וועגען דעם מזרחי אין ארץ ישראל; פון פוילישען סיים דעפוטאט מר. ה. פארבשטיין — וועגען דעם מזרחי אין פוילען, פון הרב מ. בערלין — וועגען מזרחי אין אמעריקא.

די צווייטע זיצונג איז געווידמעט אין גאנצען דער פאליטישער לאגע און זי ווערט אפגעהאלטען ביי פארמאכטע טירען.

די דריטע זיצונג עפענט זיך מיט באגריסונגס־טעלעגראמען וואס זיינען אנגעקומען פון פארשיידענע לענדער. צווישען זיי: פון דער האלענדישער רעגירונג, זון הרב טשערנאוויץ (רב צעיר), נאציאנאל פאנד ביורא.

פראפ. פיק, בערלין, גיט אפ א באריכט אינ'ם נאמען פון דער קולטור־קאמיסיע. ער זאגט: מיט דער פאליטישע ארבייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז דער מזרחי אין גאנצען איינפערשטאנען, אבער ניט מיט דער קולטור־ארבייט. דער מזרחי מוז דאריבער האבען א פאלשטענדיגע אויטאנאמיע בנוגע דער ערציהונגס־ארבייט אין ארץ ישראל. דער מזרחי האט שוין היבש אויפגעטאן אויף דעם געביט.

ער האט געגרינדעט איניגע שוהלען אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ. ער האט צוויי לעהרער סעמינאריומס אין פוילען און אין אמעריקא. דאס איז אבער מעהר ניט ווי אן אנהויב לגבי די ארבייט וואס שטעהט פאר. דער מזרחי מוז פאדערען, אז אין ארץ ישראל זאלען זיין צוויי ועדי החנוך. אויב די ציוניסטישע לייטונג וועט די פאדערונג ניט נאכגעבען, זאל דער מזרחי אליין אנפיהרען די רעליגיעזע ערציהונג אין ארץ ישראל.

דער באריכט רופט ארוים הייסע דעבאטען, אין וועלכע ס'באטייליגען זיך: פראפ. ראבין, הרב בערלין, הרב שיינפעלד הרב גראספאגעל. די דעבאטען ווערען פארטגעזעצט אויף דער פערטער זיצונג. ס'ווערען אנגענומען פאלגענדע באשלוסען:

1) צו פארגרעסערען די ערציהונגס־ארבייט אין ארץ ישראל און גרינדען א הייהע פון מיטעלע און האכשולען.

2) שיקען קיין ארץ ישראל א ספעציאליסט פעדאגאג, ער זאל שטעהן בראש פון דער ערציהונגס ארבייט.

3) פאדערען צוויי ועדי־חנוך אין ארץ ישראל און אויב די ציוניסטישע לייטונג וועט די פאדערונג ניט נאכגעבען — אנפיהרען זעלבסטשטענדיג די רעליגיעז־ערציהונגס ארבייט.

4) שטיצען די תלמוד־תורות און די ישיבות וואס זיינען נאהענט צום מזרחי. מיט דעם געלד פאר די תלמוד־תורות זאל פארוואלטען דער ועד־החנוך פון מזרחי.

די פינפטע זיצונג ווערט געעפענט פון הערמאן שטרוק. אויפ'ן טאגעס־ארדנונג שטעהט די אוניווערסיטעט־פראגע. פראפ. פיק גיט אן איבערבליק איבער דעם פלאן פון גרינדען א העברעאישען אוניווערזיטעט אין ארץ ישראל. דער פלאן איז געשאפען געווארען אויף דעם לעצטען ציוניסטישען קאנגרעס אין וויען, קיינער האט אבער ניט גע'חלומ'ט, אז דער פלאן זאל אזוי גיך האלטען ביים פארווירקליכט ווערען. ניט לאנג האט געזאלט אין באזעל אפגעהאלטען ווערען א קאנפערענץ פון אידישע אקאדעמיקער, אויסצוארבייטען א פאלשטענדיגע פראגראם פאר דאס העברעאישע אוניווערסיטעט. די קאנפערענץ איז, צוליעב געוויסע סבות, ניט אפגעהאלטען געווארען. די איינגעלאדענע אידישע אקאדעמיקער פון דייטשלאנד האבען צווישען זיך אפגעהאלטען א קאנפערענץ און זיינע געקומען צום באשלוס, אז פארלויפיג איז אונמעגליך צו עפענען פאקולטעטען פאר מעדיצין און טעכניק אין העברעאיש. מ'וועט דאריבער מוזען אנהויבען מיט א פאקולטעט פאר אידישע וויסענשאפט. און אזא פאקולטעט מוז ווילענדיג אדער ניט ווילענדיג אנריהרען די רעליגיאן. דער מזרחי מוז דאריבער נעמען א שטעלונג צו אזא פאקולטעט, ער שלאגט פאר צו וועהלען פאר דעם צוועק א ספעציעלע קאמיטע.

דר. פרענקעל, מארבורג, זאגט ארויס זיין מיינונג, אז דער מזרחי מוז נעהמען א טיכטיגען אנטייל אין דער העברעאישער אוניווערסיטעט. טוזענדער אידישע יוגענט פון פוילען, רוסלאנד און דייטשלאנד נויטיגען זיך אין אזא אנשטאלט.

אין דעם זעלבען זין, רעדען אויך: פראפ. אורנשטיין, איינשטיין, חיות, האפמאן. דער פארשלאג פון פראפ. פיק, צו וועהלען א ספעציעלע קאמיטע, ווערט אנגענומען.

עס ווערט אויך אנגענומען א רעזאלוציע אויסצודריקען צוטרוי צו די ציוניסטישע פיהרער און דאנקען זיי פאר זייער אונערמידליכער ארבייט.

[illegible]

מיט 18 געגען 16 שטימען ווערט די טאגעס פראגע אראפגענומען פון טאגעס־ארדנונג.

די לעצטע זיצונג איז געווען געווידמעט דער ארגאניזאציאנס פראגע, עס ווערט באשלאסען, אז די מזרחים אין יעדען לאנד האבען דאס רעכט צו ארבייטען אויב זיי ווילען, געמיינשאפטליך מיט די אלגעמיינע ציוניסטען. דאס געלד וואס ווערט געזאמעלט מוז אבער געשיקט ווערען צו דער מזרחי צענטראלע.

די צענטראל ביורא פון מזרחי ווערט איבערגעטראגען פון בערלין קיין לאנדאן אונטער דער לייטונג פון טשעיף ראבי הערץ סיר סטיוארט סעמועל, פראפ. פיק, דר. שיינפעלד און ה. פארבשטיין, אין וויכטיגע פראגע דארף די ביורא זיך מישב זיין מיט די מזרחי־פיהרער אין ארץ ישראל, אמעריקא, פוילען און דייטשלאנד.

הרב בערלין שליסט די קאנפערענץ מיט א ווארעמע, באגייסטערטע רעדע.

רעפעראט פון הרב י. ל. פישמאן, וועגען דער ארבייט אין ארץ ישראל. צווישען אנדערע זאגט ער: די הויפט ארבייט אין ארץ ישראל איז אויסצוקויפען די ערד פון פרעמדע הענט. ארץ ישראל מוז זיין אונזערס. דער מזרחי דארף דאריבער העלפען מיט אלע כחות דעם נאציאנאל־פאנד. ער מוז אבער אויך ערמוטיגען פריוואט איניציאטיוו. דער מזרחי אין אמעריקא האט געגרינדעט דעם „נחליאל" אין יפו — דעם „בית וגן", דאס איז אבער נאך ניט גענוג. דער מזרחי אלס אן ארגאניזאציע דארף טאן אט די וויכטיגע ארבייט:

דר. באַרט, בערלין, רעדט וועגען דער עמיגראציע אין ארץ ישראל. ער זאגט זיך ארוים פאר דעם באָדען־נאציאנאליזירונג וואס איז לויט דער אידישער תורה.

הרב עמיאל, גראיעווע, ריהרט אן די פראגע פון פרויען רעכט און וואונדערט זיך, וואס הרב פישמאן האט איגנאָרירט פארשוויגען די פראגע אין זיין רעפעראט. ער שלאגט פאר, אז א קאמיסיע פון רבנים סיי מזרחים סיי ניט קיין מזרחים זאל געוועהלט ווערען צו לייזען די פראגע, עס ענטוויקלען זיך היציגע דעבאטען. מר. ה. פארבשטיין איז פאר דעם, אז די קאנפערענץ זאל זיך ארויסזאגען פאר פרויען רעכט. חאכאם באשי עוזיאל ווארענט דאס ניט צו טאן, דאס ארטאדאקסישע אידענטום אין ארץ ישראל אי געגען פרויען רעכט, און אויב דער מזרחי זאל זיך ארויסזאגען פאר — וועט ער פארלירען זיין גאנצען איינפלוס אין ארץ ישראל.

21 יאהר
אין די זעלבע ביזנעס

אונזער ווארשאווער
אפיס צו אייער
דיענסט

שיקט געלט
דורך מייל אדער קייבעל
צו אייערע פריינד און קרובים
אין פוילען און גאליציען דורך
דער אלטער בענקינג פירמא

גאלדמאן בראס.

ד געלט ווערט אויסגעצאהלט
אונטער דער פערזענליכער
אויפזיכט פון אונזער שותף, דוד
גאלדמאן, וואס געפינט זיך
איצט אין ווארשאו

Goldman Bros
393 Hastings St.
Detroit. Mich.

ווארשאווער אפיס
Przejazd No. 5
Warsaw, Poland

זונטאג אווענד
מארטש דעם 7טען

דער לאנג ערווארטעטער גרעסטער קאנצערט פון יאר,
געשפיעלט פון דעם פעטראגראדער מוזיק אנסאמבל

זמרה

אין די ארענא גארדענס

וואודוואָרד און הענדרי

עס איז צוגעגרייט געווארען א וואונדערבארע פראגראם
פון די שעהנסטע חסידישע און פאלקס־ליעדער, אויך
...ע מוזיק, וועלכע זיינען נאך פון קיינעם ניט גע־
שפיעלט געווארען אויף אזא קינסטלערישען אופן.

טיקעטס פון 75 ס. ביז 3 דאלאר
צו באקומען:
אין נארדאן'ס בוך סטאר, 541 הייסטינגס,
אוטשעניק'ס בוך סטאר 455 הייסטינגס,
גאלדמאן בראס.
גרינעל בראס,
קופער'ס פארמאסי, וועסטמינסטער,
קאר. גודווין
גאלדמאנ'ס פארמאסי,
וועסטמינסטער קאר. דעלמאר

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון
אונזער גרויסען סטאק. מיר
קויפען פאר קעש און פאר־
קויפען אויף לאנגע
טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט

רעכטע פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע
פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ־
טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלםסט.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן: [illegible]
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט ביי
די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

ווארע בילינ פאר סטאר־קי־
פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

דער זיכערסטער וועג צו
שיקען געלט
צו אייערע קרובים איז
— דורך דער —
פיפלס רעליעף
וועלכע טוט עס פאר אייך בלוי,
פאר פאסט קאסטען
490 הייסטינגס סטריט
געלט ווערט געשיקט אין אמע
ריקאנער דאלארס.
קעדילאק 2061

Der Weg

מס אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

דער וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

דער חודש ווען מען דארף זיך פרעהען

פון ב. י. ג—ן

פון ראש חודש אדר, אן, דארפען די אידען זיך פרעהען.

אזוי האבען אונז אונזערע געלעהרטע אלטע חכמים אנגעזאגט.

דעם חודש אדר דארף דער איד מיט פרייד זיך דערמאהנען אן יענעם בלאט אידישער געשיכטע וואו עס איז מיט צער און מיט פרייד פאר־צייכענט א וויכטיגע געשעהעניש אין דעם לעבען פון די אידען אין יענער אוראלטער צייט.

איצט ווען דער גרעסטער טייל פון אידישען פאלק זיצט, אדער דארף זיצען שבעה, ווער נאך א מאטען, זהן, ברודער, אדער אנדער נאהענטען, איצט קלינגען די ווערטער און דער פארזאג פון אונזערע חכמים פרעמד צו אונזערע אויערען: זיך פרעהען מיט דעם נס, וואס דאס אידישע פאלק איז מיט טויזענדער יאהרען צוריק איינגעליימט געווארען פון איין שונא, אין א צייט ווען דער הוה איז אזוי חושך איז אזוי שרעקענדיג און בלוטעט אונטער דער שווערד פון כל ערליי שונאים, אויף כל ערליי שלאכט־פעל־דער, איז זעהר שווער.

צו קען מען זיך דען הייטיגע צייט פרעהען באטש דעם איינעם טאג פורים? צו ווען מען הען וויצעדיג ביי דער סעודה נישט שלינגען קיין טרעהרען זעהעדיג פאר זיך די לעדיגע פלעצער ארום טיש, פון וואנען עס פעהלען אוים יענע חשוב'ע, וואס האבען מיט איין יאהר, צו מיט פיער יאהר צוריק יענע ערטער פארנומען?

און דאך איז דוקא היינט די צייט פון אפהיטען און דערמאהנען זיך אן יענער פאסירונג, וועלכע איז א הויפט וויכטיגע געשעהעניש געווען אין דער אלטער, לאנגער אידישער געשיכטע.

מיר וועלען פריהער די געשעהעניש דערצעהלען: —

איבער הונדערט און זיבען און צוואנציג מדינות האט געקעניגט דער מעכטיגער הערשער אחשורוש, זיין רעכטע האנד איז געווען דער קלו־גער, געשייטער פריים־מיניסטער — המן בן המדתא.

איבער איין איינציגען אידען, איבער דעם „גוואלדיגען" חטא פון איין מרדכי'ן, האט המן א שנאה געטראגען אויף אלע אידען. און נישט גלאט א שנאה נאר די שנאה איז מיט רציחה פארקניפט און פארבונדען געווען. איהם האט זיך פארוואלט נישט פטור ווערען פון איין מרדכי'ן, נאר פון דעם גאנצען אידישען פאלק.

קלוג — ווי בכלל מיניסטערשע קעפ — איז חער פעהרישער המן בן המדתא געווען. ער האט אויסגעארבייט א פארטרעפליכען פלאן, ווי אזוי זיין וואונש מכח אל הפועל ארויסצוברענגען, ווי אזוי אפצווישען יעדען זכר, יעדען שפור פון דעם אידישען פאלק פון גרויס ביז קליין.

ער איז עס געווען דער יעניגער וואס האט געוואלט דעם ביים מיט'ן ווארצעל אויסרייסען.

זיין פלאן איז געארבייט געווארען גאנץ שנעל. ראש און — מיט נישט וועניג ערפאלג.

עס האט שוין געהאלטען דערביי אז זיין גרויזאמער און אכזריות'־דיגער וואונש זאל ערפילט ווערען. אלע פאפיערען און באפעהלען זיינען שוין פארטיג געווען. ער האט שוין דעם קעניגס שטעמפעל געהאט. די תליים, די רוצחים זיינען שוין גרייט געווען. דער חלף האט זיך גע־שארפט.

פלוצים איז אן ענדערונג געקומען.

אין דעם פאלאץ פון דעם מעכטיגען פערזישען הערשער איז אנגע־קומען די אידישקע — אסתר.

איהר אנקעל — מרדכי — האט זיך פון המן'ס פלענער דערוואוסט. ער האט זיך געאיילט מיטצוטיילען זיי אסתר'ן.

אסתר האט פריקאזען ארויסגעגעבען צו פאסטען און צו בעטען ביי גאט. אבער אין דער אייגענער צייט האט זי זיך אויך באנוצט מיט אביסע־לע דיפלאמאטיע, ווי עס איז דער שטייגער געווען אלע מאל און איז נאך ביז היינט צו טאג איינגעפיהרט אין די קעניגליכע הויפען.

איהר דיפלאמאטיע האט געווירקט.

זי האט דעם קעניג, איהר מאן, פון די שוידערליכע פלענער דער־צעהלט און איהם דערקלעהרט וואס פאר א שאדען, חוץ דעם אכזריות, דאס וועט זיין, אין צו עטרע אויך מוס'ה געווען, אז דאס פאלק וואס דארף היינט, מארגען אומגעבראכט ווערען, — וואס דארף אויף המן'ס באפעהל און ווילען ווערען איינגעריסען מיט'ן ווארצעל — אט דאס פאלק איז איהר פאלק, זי איז א טאכטער פון דער אידישער נאציע.

דאס רעדעל האט זיך א דרעה געטאן.

דער קעניג, באטש ער איז געווען, ווי עס ווערט געזאגט אין די אי־דישע ספרים, א מלך טיפש, פונדעסטוועגען איז ער דאך אזוי נאריש נישט געווען אויף נישט צו קענען באגרייפען, וואס פאר א ברוטאלע און אומ־מענשליכע שטיקעל ארבייט זיין פריים מיניסטער וויל אפטאן.

עס האט זיך נאך געקייקעלט איין פאסירונג מיט דער אנדערער: גראד האט מרדכי דעם קעניג'ס לעבען געהאט געראטעוועט. אחשורוש איז איהם א האנק שולדיג געווען און אט אצי האט דאס פאסירט, וואס אנשטאט נקמה אן די אידען, האבען נאר די אידען נקמה געהאט אן המן'ען וועלכער איז מיט זיין פני בית, אויפגעהאנגען געווארען אויף דער תליה וואס ער האט פאר אידען אנגעגרייט.

ליהודים היתה אורה ושמחה — אין די אידישע שטעדט איז א פרייד געווארען און פארבליבען איז דאס אלס אנדענקען: מיר פאסטען אסתר תענית און מיר פרעהען זיך מיט דעם נס פון פורים.

אט דיעזע פאסירונג פון יענע יאהרען ווען נאר ערנסט זי באגרייפען, קען מען פון איהר זעהר א סך לערנען פאר דער צוקונפט און פאר דער הוה.

מיר וועלען דאס פרובירען טאן אין דעם מארגענדיגען ארטיקעל.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר

488 הייסטינגס סטריט

ענט איהר קויפען אלעס פון די מאל נעגרע לייגס:

אמפלים דרעם גודס ליין פון סילקס, אלענס און קאטין גודס. פערשיערענע ענסי ארטיקלען ווי, בער ספרעדס; פויר ענס; טייבעל קאווערס; שעמס און קארפס. קאמפלים ליין אין ליידים פענ אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס אר מענער און ביי'ים סוטס און קאוטס א קאמפלים ליין פון טיילאר און דרעס מייקערס טרימינגס.



ווילט איהר סיווען

30 פראצ. ?

ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוו אגס, בערינגס פאנאגראפס און לעמפס

— ראן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאט עוו. — מעלראוו 4985

Dr. THERON

דענטיסט

1246 הייסטינגס סט., צווישען הענדרי און מערבורי

זאל דר. טעראן זיין אייער דענטיסט.

אפיס שטונדען טעגליך פון 9 פריה ביז 1 נאכמיטאג.

טעלעפאן נארטוועי 4613.

מעסיגע פרייזען

מצות נאך אייראפא!

שיקט מצה

צו אייערע עלטערען, קרובים און פריינד אויף יענער זייט ים. 6 יאהר צייט האבען זיי ניט געהאט קיין מצה צו די סדרים. האי יאהר אבער קענט איהר זיי פאר־זארגען מיט הנ באריהמטע

ר' מאיר לאנדאן'ס מצות

די מצה וואס האט צו זיך קיין גלייכען — 50 יאהר די בעסטע; צוליעב דיזען הייליגען צוועק פאקען מיר אונזערע מצה אין —

עלף פונטיגע פעקעדזשעס

לויט די פארערדנונגען פון פאסט אפיס אזוי אז איהר זאלט זיי קענען שיקען מיט זיכערהייט נאך אייראפא. פעקעדזשעס זיינען פארטיג צו שיקען. די באקסעס זיינען ספעציעל געמאכט פאר דיזען הייליגען צוועק. דער פאסט אפיס וועט דאס פאר אייך רעליווערען. ארדערט גלייך! די צייט איז קורץ. אויך דעטראיטער אידען האבען היינטיגס יאהר די געלעגענהייט צו עסען די בעסטע מצה.

ר' מאיר לאנדאן'ס מצה

מצה, מעהל, קייק מעהל און פארפעל — גראסערי לייט מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס; ווענדעט זיך צו אונזער אגענט — די

O. K. Grocery

361 Winder Cor. Rivard Cherry 6203

פערלאנגט בלויז מאיר לאנדאן'ס מצות פון אייער גראסער

די בעסטע אין געשמאק און כשרות — די ביליגסטע אין פרייז

קאנטרי ארדערס פינקטליך א טענדענט

ירושלים לאזט הערען איהר שטימע

ב"ה יום ג' ה אדער שנת פ'ר'ת

מיר מאכען באקאנט צו די מנהלים פון די אלע אינסטיטושאנס פון ירושלים און ארץ ישראל, וועלכע האבען די חזקה פון תקנות קדמונים צו האבען דעם זכות פון באקסעס און די אידישע הייזער, פאר די נדבות אנצוהאלטען דאס לעבען פון די הונגעריגע אין ירושלים און פיר די אויפהאלטונג פון די ירושלים'ער אינסטי־טושאנס געמיליך:

ר' מאיר בעל הנס, ישיבת עץ חיים בקו"ח האספיטאל און בית יתומים דיסקין

און אזוי ווי יעדער פון די גענאנטע אינסטיטושאנס האט זיך גענומען די אויפגא־בע צו פארשטארקערען און פארגרעסערען די צאהל פון זייערע באקסעס, און די זכנכה פון זייערע אינסטיטושאנס, צוליעב די גרויסע פאדערונגען פון זייערע באר־ערפניסע. די פארטרעטערס משולחים פון רמבה"ג און ישיבת ע"ה ת"ת וב"ח אספיטאל זיינען היער יעצט פאר דיזען צוועק. איז נאך איין בעראטונג פון איין מיטינג באשלאסען געווארען דאס פיר דיזען מאל זאלען ביידע משולחים מר. זאלין־דער משולת פון רמב"ן און הר' ריכטער. משולח פון ישיבת ע"ח האספיטאל, צוזאמען נעהן קאלעקטען די געלדער פון די באקסעס און מקבל זיין נדבות פאר די זאגענאנטע אינסטיטושאנס, און זאלען אויך קאלעקטען די געלדער פון די בית יתומים באקסעס. אנשטאט וואס ביז יעצט איז אלעס געקאלעקטער געווארען דורך איין משולח. די געלדער וועלען זיי איבערגעבען צום טרעזשורער הגבאי ר' אבא קיהאן, געלד מוז געשיקט ווערען נאך ירושלים בעפאר פסח הבע"ל דער יקרות איז דארט יעצט גרויס, און די הצטרכות איז אונגעהייער שטארק. מנדבים נכבדים טרייעט צו פארגרעסערן אייערע נדבות אום צו משמח זיין די ארימע פאר דעם הייליגען יו"ט אין דער הייליגער שטאט ירושלים ובזכות זה תזכו לראות בבנין ציון וירושלים.

נאום יהודה ליב לעווין,
הרב ראגדת הקהלה דפה
נאום אברהם משה הרשמאן
נאום יחזקאל אישישקין, רב בדעטראיט
נאום יוסף הלוי אייזענמאן, רב בדעטרויט
נאום אבא אליעזר בר חיים קיידין
נאום נתן אפענהיים

UNIVERSAL LAND Contract Co.

928 Chamber of Commerce Bldg.

מר קויפען און קעשען

לענד קאנטראקטס

קעש אין 24 שטונדען

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

The only Jewish Paper Printed in Michigan

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 79 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c.

DETROIT, MICH., Thursday, March 4th 1920 Vol. 2, No 19

דאנערשטאג, מארטש 4, 1920

סאוועטען רעפובליק ערקלעהרט אין פארטוגאל

מאדריד, מארטש, 3 — באריכטען פון פארטוגאלער גרענעץ מעלדען, דאס די ארבעטער האבען אין פארטוגאל ערקלעהרט א סאוועטען־רעפובליק.

דיעזע ידיעות גיבען איבער, דאס די פאסט און טעלעגראף אנגעשטעלטע זענען צוגעשטאנען צו די באהן ארבייטער, וועלכע האבען די ערשטע זיך ארויסגעזאגט פאר סאוועטען.

דיעזע נייעס איז ערהאלטען געווארען דורך דער גרענץ־טעלעפאן און זי איז נאך דערווייל ניט באשטעטיגט געווארען.

לויט א באריכט פון טוי, שפאניע, איז מאנטאג אווענט ערקלעהרט געווארען א גענעראל סטרייק אויף אלע אייזענבאהנען.

שווערע קלאגע געגען אייניגע דזשורי לייטע

דעטראיטער לעהרער קומען מאסען־ווייז אין יוניאן

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אייניגע פרויען טיטשערס ציינען ארויס געגנערשאפט צו דער ניי געגרינדעטער לעהרער יוניאן און ניט קוקענדיג דארויף וואס עטליכע אנטי יוניאן לעהרער האבען פארזיכערט מעיאר קאוזענס, אז א יוניאן פון סקוהל טיטשערס האט קיין צוקונפט אין דעטראיט, פון דעסטוועגען מערקט זיך א באדייטענדע פארגרעסערונג אין צאהל מיטגליעדער וועלכע שליסען זיך אן דער יוניאן, און מערקווירדיג איז אויך דער פאקט, וואס צווישען די נייע מעמבערס געפינען זיך פיעלע פרויען טיטשערס אויף וועלכע די רעאקציאנערע גרופע פון די לעהרער האבען געלייגט זייער גאנצע האפנונג.

אין האטעל שטאטלער האט זיך נעכטען געגרינדעט א לאקאל פון פרויען טיטשערס און לויט די גרינדער ערקלעהרען וועט איינציהען די גרויסע צאהל לעהרערס פון די היגע סקוהלס אריין אין דער יוניאן.

טאציע האט זיך אויסגעלאזען מיט גאר ניט, ווייל די אויטאקראטישע פאזיציע־טער פון די דעטראיטער סקוהלס זיינען געווען געגען דער נויטיגער ענדערונג.

„יוניאניזם איז דער איינציגער מיטעל דורך וועלכען מיר קענען קריגען א דעה אין דעם סקוהל סיסטעם, איינער פון די הויפט פרינציפען פון דער טיטשערס פעדעריישאן איז צו באטהייליגען זיך אין דער פערוואלטונג פון די סקוהלס.

19 פרויען לעהרער גרינדען באזונדער לאקאל פון אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר

נעכטען ביינאכט האבען 19 פרויען־לעהרער אפגעהאלטען א פארזאמלונג אין דער סענטראל האי סקוהל און האבען באשלאסען ארויסציפאדערען א „טשארטער" אלס א לאקאל פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר.

א צווייטע פארזאמלונג וועט אפגעהאלטען ווערען ...

...רער אין זייער קאמף פאר „באנוס".

די אנוועזענדע לעהרער אויף דער קאנפערענץ האבען געזאגט, דאס זיי האבען נאך ניט געוואוסט, אז די לאיערס, וועלכע האבען זיך „פרייוויליג" געשטעלט צו זייער באדינונג, זענען פון דער ה. י. אר. „אה, דאס איז דאך פאליטיק — האבען אייניגע לעהרער געזאגט — מיר זענען געווען ווי שעפסען, וועמען מ'פיהרט אין שלאכט־הויז".

מיס מעקיני, פרינסיפאל פון דער קאלומבוס סקול און פרעזידענטין פון „דעטראיט טיטשערס אססאסיאישאן", האט אין פארלויף פון איהר רעדע וועגען דער פאדערונג פון באנוס געזאגט, דאס די לעהרער וועלען ניט פארקויפען זייער שטימען צו קיין פארטיי אין די וואהלען פון 5טען אפריל.

מעיאר קאוזענס ענטזאגט ווידער די טיטשערס א רעיז אין די סאלארים

די פיעל פרויען לעהרערס וועלכע זיינען געקומען פארזיכערען מעיאר קאוזענס, ...

נאך 15 באפרייט אין סענאטאר ניובערי־משפט

גרענד רעפּידס, מארטש 3. — פעדעראלער ריכטער, קלארענס סעשאנס האט היינט באפרייט נאך 15 אנגעקלאגטע אין דעם ניובערי־משפט, געגען וועמען, לויט זיין מיינונג ס'איז ניטא קיין שום חשד, דאס זיי האבען געהאלפען דעם סענאטאר ערוועהלט ווערען אויף אן אונגעזעצליכען אופן. דער ריכטער האט אויך צוריקגעוויזען דעם 5טען פונקט פון דער קלאגע געגען די איבעריגע 85 אנגעקלאגטע. דיזער פונקט פון דער אנקלאגע לויטעט, דאס סענאטאר ניובערי און די אנדערע אנגעקלאגטע האבען קאנספּירירט צו קויפען שטימען אין די פאר־וואהלען אלגעמיינע וואהלען.

דזשי. מ. מארפין האט אין נאמען פון דער פארטיידיגונג אריינגעטראגען א פארשלאג, אז דער ריכטער זאל ארויסגעבען א ווערדיקט 'ניט שולדיג' בנוגע אלע אנגעקלאגטע. ריכטער סעשאנס האט דיעזען פארשלאג ניט אנגענומען.

ארענא שולדיג אין צווייטען גראד מארד

טראץ דעם, וואס צוויי עדות פון ...

רעדע צו דער דזשורי געזאגט, אז לויט ...

דער „וועג" באדאנקט פון אידישען האספיטאל אססאסיאישאן

(אונטערגעשריבען) א. קאצין, פרעזידענט.

היברו האספיטאל אסס'ן.

צו דער רעזאלוציע האט אונז מר. קאצין געזאגט, אז אזוי ווי דער רעדאקטאר ה. ב. י. גאלדשטיין האט אונז אויפגעפאדערט צו געבען אן ערקלעהרונג וועלען מיר אין זונטאגדיגען „וועג" אזא ערקלעהרונג פארעפענטליכען.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

אין פילאדעלפיא איז ערשט אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון די אוקראינער פאראיינען איבער'ן לאנד, אום צו שאפען א פאראייניגונג אין דער הילפס טעטיגקייט פאר די אוקראינער אידען. און וואס טוט זיך איצט אין דעטראיט? — וועגען דער פראגע לייענט מארגענדיגען לייט ארטיקעל פון ה. ב. י. גאלדשטיין.

אין דעטראיט איז איצט א פראגע פון די סקול לעהרערס, וועלכע בעטען א רעיז און אונזער מעאר וויל נישט געבען. א ...

וואס זאגען „די ענגלישע צייטונגען"

פון נעקסטער וואך אן וועלען מיר איינפיהרען אן אפטיילונג, וואו עס וועלען איבערזעצט ווערען יענע עדיטאריעלע נאטיצען און ארטיקלען פון די היגע ענגלישע צייטונגען, אין וועלכע עס וועט זיך רייד'ן מכח דעטראיט'ער און מישיגאנ'ער ענינים.

דיזע אפטיילונג וועלען מיר דרוקען 3־2 מאל א וואך און אפטער.

דיזע איבערזעצונגען, צו מיר זענען מיט זיי אזוי אדער נישט איינשטימיג, וועלען געדרוקט ווערען אהן קאמענטארען. מיר וועלען זיי דרוקען מיט דער איינציגער אבזיכט צו באקענען די היגע אידען ...

טאטע פון 5 קינדער דערהרג'עט פון א קאר

קרייצענדיג וואודווארד עוו. נעבען קעניל־וואורטה עוו. דינסטאג אווענט איז טאמאס פּ. מידענדארף, 54 יאהר אלט, פון 197 וועסטמינסטער עוו. דערהרג'עט געווארען פון א קאר. ער האט איבערגעלאזט אן אלמנה מיט פינף קינדער.

שכור'ע געזעץ־היטער קריגען די „סעק"

10 גאלאן ווין א יאהר וועט קריגען יעדע אידישע פאמיליע

10 גאלאן ווין א יאהר וועט באקומען יעדע אידישע פאמיליע.

לויט א פארארדנונג, וואס דער אקציז קאלעקטאר, מר. גראנען, האט ערהאלטען פון וואשינגטאן וועט דער מאקסימום ווין וואס יעדע אידישע פאמיליע וועט קענען באקומען פאר רעליגיעזע צוועקען, זיין 10 גאלאן א יאהר.

די שול אידען וועלען אבער ניט קענען קויפען דירעקט דעם ווין ביים האלסיילער. זיי וועלען מוזען קויפען דעם ווין ביי א רב — און ניט מעהר וויפיעל זיי דארפען האבען אויף איין מאנאט — און מיט'ן רב'ס צעטעל וועלען זיי קריגען דעם ווין ביים האלסיילער, וואו דיעזער רב האלט זיין אפגעקויפטען זאפאס ווין.

דיסטריקט אטורני וועט ערלויבען דעטראיטער בירגער טראגען רעוואלווערס אלס שוץ געגען „האלד אפּ'קעס"

מר. עלען ס. קאקס, טשיף אסיסטענט דיסטריקט אטורני פון וויין קאונטי האט נעכטען ערקלעהרט, אז דער בעסטער מיטעל אויסצוראטען די באנדיטען פון דעטראיט איז אז יעדער אנשטענדיגער בירגער זאל טראגען מיט זיך א רעוואלווער.

אזוי לאנג ווי די צושטענדע אין דעטראיט און אין אנדערע גרויסע שטעט וועלען אנהאלטען ווי ביז איצט, וואלט איך ערלויבען יעדען ארענטליכען בירגער ...

צו די יעניגע וואס האבען מורא, אז צווישען די וואס וועלען קריגען די ערלויבניס צו טראגען וואפען וועלען זיך געפינען לייטע, וועלכע וועלען מיסברויכען זייער רעכטע, דאס הייסט: זיי וועלען נוצען דעם רעוואלווער זאגאר ווען זיי וועלען גאר ניט זיין אין געפאהר האט דער אסיסטענט פראסעקיוטאר געזאגט, אז זיי האבען ניט וואס מורא צו האבען.

„אין אלע שיסעריען וואס זיינען פארגעקומען אין דעטראיט, — האט מר. קאקס געזאגט — האט זיך ניט באטייליגט קיין איין פערזאן, וועלכער האט געקראגען די ערלויבניס צו טראגען וואפען".

קאר־קאנדוקטאר געטוידטעט אין א צוזאמענשטויס מיט אן אויטאמאביל

דערוויל ניטא קיין מורא פאר א באהן סטרייק אין אמעריקא

דערשיסט איהר דיענסט אויס אויפערזוכט

דעטראיטער פרוי געפינט איהר דיענסט אין די ארעמס פון איהר מאן און באגעהט א מארד

דער באוואוסטער הר.

ל. ד. רייכלין

פון אהבת אחים שוהל

(אוקלאנד)

נעהמט אן סדור קדושין

אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע

צופרידענהייט.

5'/ קעמערא עווניו

טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קדושין

חזן דוד גאָלדען

אין 248 איסט האי סטריט

טעלעפאן, מעין 4420

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאָר פיקסטשורס, וואָל קייסעס, שאָו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס ערדזשיסטערס, נייע און געיוזטע. פרייזען מעסיגע. ארענדזשמענטס בעהאנדלונג. 2 סטאָרס.

רעלייבל סטאָר פיקסטשור קא.

305 גרעשיאָט עוועניו

טעל. קאדילאק 2445

277 מישיגאן עוועניו

טעל. קאדילאק 4924 עם.

פערלאנגט פעהיגע קאנוועסער פאר'ן „וועג"

יונגע לייט וואס ווילען מאכען געלט פאר איינינע שטונדען ארבייט צו קענווע־סען פאר סובסקרייבער פאר'ן „וועג" גוטע קאמישאן ווערט געצאָהלט. איהר קענט דאס טהאן ווען איהר האט פרייע צייט. זיך מעלדען יעדען טאג און אווענדס אין אפיס פון „וועג" 347 הייסטינגס סט.

אוקלאנדער אידען

פיקסען זייערע

ציינער

ביי

Dr. H. Goodman

דענטיסט

געמופט פון 427 וואָדוואַרד

737 אוקלאנד עוו.

די נאטור איז דער בעסטער דאקטאר.

ווען איהר ליידעט פון רומאטיזם, הארץ, קידנעס אדער סטאמאק אפילו קראנקהייטען וועלכע זיינען סיפיליטיש, ווענדעט זיך צו מיר. מיינע מעדיצינען וועלכע זיינען געמאכט פון געוויקסען, זיינען דער ווירקזאמסטער מיטעל צו די אלע קראנקהייטען. — די ווירקזאמסטע מיטעל פאר פריוען קראנקהייטען.

ס. גרין, 769 בוביען סט.

פאר סמוקערס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נר מאכט נאר פון ריינער האוואנא, פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דוראנד ביי אייער דילער.

DAVIS CIGAR MFG. CO.

געמאכט אין דעטרויט.

לעזט דעם „וועג"

ענייים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

אין אנהויב איז לאה אויך געווען צופרידען פון דער שטעלע. נאר וואס ווייטער אלץ ווייטער האט זי אנגעהויבען מעהר טרויעריג זיין, דעם גאנצען טאג איז זי געווען פארחמארעט און קיינעם ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען פונקט ווי א גנב.

די יענינע אין שטוב וועלכע האבען ניט געוואוסט די אורזאכע פון איהר טרויערקייט, האבען זיך נאר געוואונ־דערט און געשאקעלט מיט די קעפ.

די בעל הבית'טע אליין האט איהר ניט איין מאל באמערקט:

— ראבט זיך לאה, אז ביי מיר אין דיר ניט שלעכט צו דינען, וואס זשע ?רעהסטו זיך ארום אזוי שטענדיג פאר־קלאגט, גלייך ווי דיר איז ביי מיר שלעכט.

— ניין בעל הבית'טע, גראט אזוי, האט זי געענטפערט, אבי מען זאל זי מעהר ניט פרעגען.

איינמאל ביינאכט ווען אלע זענען שוין אין שטוב געשלאפען נאר די קעבין האט נאך איבערגעוואשען דעם געפעס, האט די פליצים דערהערט ווי לאה וויינט ביטער אויף איהר געלעגער. די קעבין איז צוגעגאנגען צו איהר און זי געפרעגט, נאר לאה האט זיך נאך טיעפער איינגע־גראבען אין קישען און האט געהליפעט ווי א קליין קינד.

טאקע אין דעם צייט פון דעם קישען, האט זיך לאה אויסגעווישט די אויגען און זיך געזעצט אויף דעם בעט, די קע־כין מיט א טרויעריגען פנים האט זיך אויך געזעצט נעבען איהר און זי נעבע־טען זי זאל איהר זאגען די אורזאכע פון איהר וויינען.

אין גאנצען, אין גאנצען וועל איך אייך דערצעהלען. איך ווייס אליין ניט וואס צו טאן, וואס זאל איך טאן וואו אהין זאל איך געהען?

— וואו געהן? וואס געהן? וואס רעדט איהר לאה? ווער טרייבט אייך דען? האט די קעבין געזאגט ווי דערשראקען.

לאה האט זיך דערמאנט אז זי האט נאך קיין מאל קיין האלב ווארט ניט גע־רעדט מיט דער קעבין וועגען דעם. זי האט אריינגעבאפט די קעבין.

— ליעבע חוה, מיר דינען אין איי־נעם ביי איין בעל הבית'טע. מיר זענען דאכט זיך גוטע פריינד. איך וועל אייך אלעס דערצעהלען ווי אין איינער מיט דער. איך בין אזוי אומגליקליך אז איך האב קיינעם נישט פאר וועמען א ווארט צו רעדען, זיך כאטש אויסרעדען דאס הארץ.

חוה האט א זיפץ געטאן און זיך אנ־גענרייט צו הערען. לאה האט אנגעהויבען דערצעהלען:

— וואס זאל איך טאן? מיר וועט נאר אויסקומען זיך אין וואסער צו ווארפען. עס איז ניטא קיין חודש זייט איך בין געקומען אהער און בין שוין אויף דער דריטער שטעלע און דא וועל איך זיך ווייטער מוזען אפזאגען.

— וואס? אט א נייעס! פאר וואס דארפט איהר זיך אפזאגען? דאכט זיך די בעל הבית'טע און מיר אלע זענען מיט אייך זעהר צופרידען.

— די ערשטע צוויי בעל הבית'טעס זענען אויך געווען מיט מיר צופרידען און פון דעסטוועגען האב איך זיך גע־מוזט אפזאגען.

— איז טאקע א גרויס אַרישקייט: דארט וואו מען איז צופרידען, דארף מען זיך האלטען מיט דער שטעלע.

— וואס זשע האב איך געזאלט טאן? ווי אזוי האב איך דארט געקענט בלייבען? אויף דער ערשטער שטעלע האט זיך צו מיר געטשעפעט דער בעל הבית. אויף דער צווייטער דער זוהן און אזוי גראב אז איך האב קיין טריט ניט געקענט איבערטרעטען, פראסט די גאל איז מיר איבערגעגאנגען פון זיינע גראבקייט, און איצטער... איצטער דא, לאזט מיך ווייטער דער בעל הבית ניט לעבען. אין אנהויב האב איך געמיינט אז ער באַ־נעהמט זיך גלאט אזוי מיט מיר פריינד־ליך, נאר דערנאך — דערנאך, וואס ווייטער און ווייטער באנעהט ער זיך מיט מיר גרעבער אז איך קען שוין מעהר ניט איבערטראגען. און איבערליידען. נאט ווייס דעם אמת, אז איך וואלט שוין פאר אכטאג אוועקגעגאנגען פון דאנען, נאר וואו אהין זאל איך געהן? איך שעהם זיך שוין פשוט קומען צו „דער פליישינג" ווער ווייס צו זי וועט מיך שוין נאך אין שטוב אריינלאזען. וואו אהין זשע האב איך דען צו געהען אז ניט צו „דער פליי־שינג"? עס איז פראסט אזוי אומגליק אויף מיר. די גאנצע וועלט דינען אפ יאהרענווייז אויף שטעלען און עס איז נאר ניט נאר איך, איך אומגליקליכע!...

א קארנער גראסערי סטאר צו פארקויפען מיט רומס צוזאמען די בעס־טע קארנער אין די נייבארהוד מיט ווער־טענע גוטע ביזנעס קיינע דעהוערי קעיש טרייד אויך אלעס מיט וואנייבער רענט אייגען איך צו, עס איז זייער א ווער־טע געלעגענהייט. דיעזע סטאר איז שוין פארקויפט דורך א דעפאזיט נאר דער מאן קען ניט שאפען די גאנצע סומע געלט, דאס איז אייער טשענס נאכפרעגען: 551 הייוואַרד סט. טעלעפאן טשערי 2450 דאבעליו

I. Sarver

קאנטראקטאר פאר פיינטינג, פייפער הענגינג דעקאריישאן און פלאסטערינג

137 ליווינגסטאן

גוטע ארבייט און ביליג.

שבת און יום טוב געשלאסען

יוזט פאלם-אלא

פאר'ן מאגען א רפואה פאר'ן פאקעט א ישועה

פאלם־אלא איז א נייער מארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאק נאטס און פינאטס אייל, און אנדערע נאטור רייכע וועדזשעטייבעלס און קען געיוזט ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די ווי־סענשאפטליכע מעטהאָדען און סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט־פרוף סאניטארע פאקסעס.

פאלם־אלא איז איינגעצייכענט גוט צום פרייען, פאקען און שמירען אויף ברויט. גיט אייערע קינדער פיעל פאלם־אלא. עס וועט זיי פיעל גוט טהאן און עס איז פיעל קיליגער ווי די אלט פעשאנד פוטער.

פאלם־אלא איז מיט זיין נאטירליכע רייכקייט און געשמאקייט ממש טעם גן עדן. און ווער עס טרייעט דאס צו יוזען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.

פאלם־אלא איז א מארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דער מרייט ביי דער באוואוסטער "שעד קרימערי". אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען סופליי יעדען טאג.

גערמאכט פריש יעדען טאג אין דעטראיט גלייך פון דער פוטער פאס צו אייך.

פאלם־אלא איז כשר. בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר' יוסף תאומים דפה

גראסערי לייט

עס איז פאר אייער בענעפיט איהר זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט ניט קיין טראבעל. איהר דארפט ניט ווע־גען. איהר דערלאנגט א פעקעדזש צום קאסטימער און דאס אלעס.

לעזט דעם הכשר:

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם־אלא

S. J. Bartush Co — **West 1407**

דזשועלערי סייל

אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע

זייגערס

מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.

רינגען

גאלדענע בראָוטשעס מיט אמתע העמיאס ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע

קדושין רינגלאך

גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען

The Boston Wholesale Jewelers

169 Griswold Street

3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויטער.

אויסקינפטע פריי

ווערט געגעבען איבער פאלגענדע ענינים: פאספארטען, ווי צו שיקען געלד אין איראפא, ווי אזוי ארבייטער־קאנטראקטן איבערצוברענגען אייערע פאמיליעס. וועגען די רעכט פי־ענדלארד און טענענטס, וועגען לאנדקאנטראקטען, מארטגעדזשעס, טעקסעס און אזוי ווייטער.

ווי צו ווערען א בירגער

און ווי אזוי צו לערנען ענגליש, באהאנטען פענסיע, ליבערטי באנדס, באנוסעס, אינשורענס און נטוראליזיישאן.

The Free Information Bureau

Detroit Board Of Commerce

קארנער וועין און לאפאיעט (2טער פלאר); שטונדען: 8:30 ביז 5:30

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!

— די —

סטענדערד בארעל קא.

האט געמופט דעם אפיס אין

52 נאפאלעאן סט.

טעל. טשערי 8158

מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר

אלערליי באטלס.

דוד האפמאן, מענעדזשער

קויפט וואו אלע קויפען גודס, פענסי דריי גודס, קויר־טענס, קווילטס, בלענ־קעטס, בעסטע בריינד אונדערוועהר

ספעשעל רעדאקשאן פאר פעברואר:

מאכט קיין מיסטייק!

Philadelphia Dress and Dry Goods Co.

671 Hastings Street

Cor. Livingstone

ניו יארק סטאר קלאדינג קא.

506 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן

סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינגס, העטס, יאנג מענס און בויס קלאדינג.

אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע־סיגסטע אין שטאדט.

פ. בונין, פראפ.

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז איינע זיינען די אייבעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך בארזיכטיג און וויסענשאפטליך ציפאסען די ריכטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט

I. Frosh O. D.

אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קענען איבער עהרליך'ס דזשועלערי סטאר.

פארלאנגט אגענטען סוב־סקרייבער פאר'ן „וועג". ליבע־אלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג".

קוואסעלאוו און קאטליער'ס

האלסייל און רוטייל

דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נויז גודס א. ז. וו.

454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman

296 הענקאק עוו. איסט

טשערי 1472 מעלראוו 3595 דאבעליו

באזארגט זיך גלייך מיט אש און גאר־בערדזש, סעמענט רעספעקטיקעלס, ווייל פון 1טען מארטש, ווערט די פרייז געהע־כערט

ווארט ניט ביז די באארד און העלט וועט אייך באָרדערען.

JUDGE GAINEY

HAVANA — CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 1170

CLASSIFIED

לואיס ווערסטעראף ווערט געזוכט פון מרס. עני רובין פון מאנטרעאל. ווער עס קען איהם אדער ווייסט זיין אדרעס איז געבעטען צו מעלדען: 393 הייסטינגס סט.

די בעסטע פרייזען

פאר דיימאנדס און אלערליי דזשועלערי

צאהלט

The Boston Refiners

169 Griswold St.

3rd floor take Elevator

---

3 צימערען צו פארענטען פון א קאטעדזש אין אקלאנד ביי א קאפעל — גוט נאר פאר יונגע לייט מיט אייגענע פארניטשור. נאכפרעגען: בורשטיין, 373 סט. ענטווין. טשערי 4098רזשי.

א שניידער פארלאנגט סטעדי ארבייט פאר אלטערייישאנס 40 דאלאר א וואך פרעגען אין דעניעלס פליים, 196 פיורסט סטריט, קאר. מישיגן.

צום פארקויפען 8 רום הויז. פרעגען מר. יודאוויטש, 127 סאוטה גרעשיאט עוו. טעל. 837 פרייז $5400 (4

מיר רענטען, ליעסען און פארקוי־פען פראפערטי. ליסטעט אייער פראפערטי מיט אונז. איהר וועט האבען באלדיגע רעזולטאטען.

הערים און לואיס 481 ענטווין סט. טשערי 8054.

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער מענש וועט קריגען גוט באצאלט, זיך ווענדען צום סופעראינטענדענט מר. איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנ־צע וואך.

גראסערי צו פארקויפען אין בעס־טען אידישען געגענד. מאכט מעהר פון $800.00 א וואך ביזנעס. רופט גארטוועי 4749־אר.

צו פארענטען 5 רומס 700 הייס־טינגס סט. ביליג רענט צו דעם וואס וועט איבערנעמען די פארניטשור, פרע־גען מר. סאפרין.

צו פארקויפען א גראסערי אין קענדי סטאר, אין א גוטען אידישען לאָ־קיישאן. גאראנטירט $125.00 ריינעם פראפיט. פרעגען באקס 100

האלס

צו פארענטען. אין אידישען אר־בייטער אינסטיטוט

— 204 הענקאק איסט —

פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־טעראַרישע אווענטען קאנצער־טען, פארטיעס און חתונות. ביליגע פרייזען.

פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג. מ. שטארק.

בארגיינס אין הייזער

—::—

א הויז צו פארקויפען אין 165 וועסט־מינסטער. 10 רומס, 3 אויטאמאביל גאראדזשען. דער לאט פארנעהמט 50 ביי 125 פוס. האט אלע אימפרואוומענטס פרייז 14 טויזענד דאלער. קעש פיער טויזענד דאלער.

פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690.

א הויז צו פארקויפען אין מארסטאן נעבען רושאן אר. 11 רומס, מיט אלע אימפראוומענטס. דער לאט 65 פוס. קעש 3,500 דאלאר.

פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690

אינטעליגענטע
ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

— גיב מיר אויך א פאפיראס!

זי האט אויסגעשטרעקט איהר נאקעטע האנד צום טישעל, האט איהם דערלאנגט א פאפיראס און דערנאך האט זי איהם צוגעטראגען איהר פאפיראס אויף אנצורויכערן.

יאיז עטליכע מינוטען אהום האט ער מיט איהר פארפיהרט א געשפרעך.

— ביזטו געוועזען אין חדר היים? — האט בעלל זי געפרעגט און האט געקוקט אויף איהר מיט פארשענדע בליקען.

זי האט געשמייכעלט און ארויסלאזענדיג א פול מויל מיט רויך, וואס איז ארום גליך צו איהם אין געזיכט אריין האט זי דערנאך צוגעלעגט.

— יא — און האט זיך אויפס נייצעלאכט.

— און דיין גראף, איז ער נאך געוועזען שיכור? — האט ער איבערגעפרעגט און האט זיך צעלאכט.

— יא, ער איז נאך געווען אזוי שיכור ווי ווען ער יז געכטען אהיים געקומען.

— און יעצט?

— יעצט שלאפט ער שוין ווידער, איך האב פאר איהם אן אויסגעצייכענט מיטעל: א פלאש גוטען ווין און ער פאלט אוועק אויף גאנצע פיער און צוואנציג שטונדען — זי האט זיך ווידער צעלאכט.

— איך האב געוואוסט, אז דו וועסט ווארטען אויף מיר, אבער ווער האט דאס צימער אויפגעשלאסען? — האט זי א פרעג געגעבען און האט געמאכט א ברוגזדיגען אנשטעל.

— קיינער דארף ניט אויפשליסען מיין צימער. איך צאהל גענוג דערפאר און דא בין איך די הערשערין!

— איך האב געפאדערט מען זאל מיך אויפשליסען! — האט ער איהר ערקלעהרט.

— דו האסט פונדעסטוועגען הייסט דאס יא מורא געהאט צו בלייבען א פארשלאסענער! — האט זי ערנסט א זאג געגעבען.

— ניין, ניט דאס! — האט בעלל געענטפערט. — ניטא ווייל איך האב מורא געהאט פאר גאט אדער פאר׳ן טייפעל נור גאר פשוט, עס איז געווארען פרעהליך אין איבערהויפט דאס שפיעלען פון דער גיטאר האט זיך אזוי מארנע געקייצט אז איך האב געפיהלט אז ווען דיא טהיר וועט זיך עפענען ווער איך דאס ניט איבערטראגען.

— און דו האסט געזעהען קויפקען?

— הא זיא נייגעריגע איבערפרעגט מיט פעדרוס.

— יא — האט ער געענפערט.

— איז זיא שעהנער פאר מיר?

און ביי דער דאזיגער פראגע האט זיך איהר געזיכט פערצויגען מיט אן אומעט. זיא האט א זיפץ געטאהן.

— עס איז ניט צום פערגלייכען! — האט ער געענפערט — יענע איז נאך א קינד און דו ביזט א פאלשטענדיגע ענטוויקעלטע פרוי.

זיא איז געוועזע שטארק אונרוהיג.

— היים ברענגען נאך וויין! — האט זיא איהר א זאג געגעבען ווען מען האט געבראכט דעם וויין האט זיא אנגענאמען צוויי גלעזלעך.

— דו ווייסט איך האב פיינד דאס גיטאר מיידעל! — האט זיא איהם א זאג געגעבען גאנץ שטיל, בעת זיא האט געהאלטען אין טרונקען איהר וויין.

ער האט געקוקט אויף איהר. דיא אויגען איהרע זיינען געווארען גרויס און זיא האט אויסגעזעהן שטארק געערגערט.

— פאר וואס האסטו זיא פיינד?

— ווייל ווייל . . . — האט זיא געענטפערט, און האט זיך אליין אבגעהאקט.

— איז דאס ווייל דו האסט מורא אז זיא איז שעהנער פאר דיר?

זיא האט אראבגעלאזט דיא אויגען. דאס אויסגעשטעלט דאס ווין גלעזעל אויפ׳ן טיש און האט א זאג געגעבען:

— זיא שטוויקעלט זיך מערקווירדיג שנעל. מיט א יאהר צוריק איז נאך גאר א קינד געווען, און היינט פיהרט זיא זיך שוין אגיף ווי א גרויסע.

— דענקסטו אז זיא׳ נעהמט אויף געסט ביי זיך אין צימער?

— ניין יעצט טהוט זיא דאס נאך ניט. דער דאקטאר פון הויז ערלויבט דאס איהר נאך פארלויפיג ניט — זיא האט ווייטער אבגעזיפצט — אבער זיא וועט דאך עלטער.

— וואס זשע קימערט דאס דיך?

— איך האב זיא פיינד פונקט אזוי פיינד ווייא יענע מיידלעך האבען מיך פיינד, ווייל איך בין זיי א קאנקורענטין.

ער האט גאר ניט געענפערט, ער האט פערשטאנען אז זיא איז פאלשענדיג נערעכט.

—פרויען בלייבען פרויען — האט ער געטראכט ביי זיך — דיא אויפערזוכט צו דעם זייערע הערצער.

ער איז געזעסען גאנץ שטיל, פערטיפט און דעם דאזיגען געדאנק.

— ווארום טרינקסטו ניט? — האט זיא איהם איבערגעפרעגט און האט זיך אויך אנגעגאסען נאך וויין. ער האט איהר צו ליעב געטאהן און האט אויסגעטרונקען דאס צווייטע גלאז וויין.

— איך האב דאך נאך גאר ני געגעבען! — האט ער איהר א זאג געגעבען.

— זייט דעם מאמענט ווען איך בין צו דיר געבטען אריינגעקומען.

— קענסט בעשטעלען, מען וועט דיר אהער דערלאנגען.

און דער קעלנער האט אריינדערלאנגט דאס עסען, האט זיא זיך אוועקגעזעצט ביי איהם אויפ׳ן ישוים און, האט איהם דערלאנגט קליינע ביסענס אין מויל אריין ער איז געוועזען גערירט פון איהר צארטקייט.

— דאס איז אן אמת׳ע גרעפין! — האט ער געקלעהרט און ווען ער האט אבגעגעסען און זיא האט איהם מיט איין טיבערע ארומגעוישט דאס מויל, דיא ליפען האט ער גאר ניט געוואוסט וויא איהר אבצודאנקען.

— דוביזט דאס צארטע וועזען וואס איך האב ווען געזעהן! — האט זיך איינגעגעסען מיט זיינע ליפען אויף איהרע באקען.

— טהו דאס ניט! — האט זיא זיך געבעטען ביי איהם — איך האב דאך דיר שוין ערקלעהרט אז דאס דארפסטו ניט טאהן!

— נו גוט, פערגיב מיר! — האט ער זיך ענטשולדיגט — קום צוריק צו מיר!

און זיא הא ווידער געזעצט זיך ביי פון אט דער ראזיגער פראפיסיאן? האט איהם אויפ׳ן שויס, האט איהם געגלעט ער ביי איהר זעהר שטיל׳א פרעג געדאס פנים דיא האר פון קאפף. טאהן.

— ביזט צו יעדער אזוי צארט — איז איהם מי אמאהל איינגעפאלען צו פרעגען ביי איהר.

זויא האט געשמייכעלט.

— ניין! — האט זיא אפענהערציג געענפערט. — צו אן אנדערען קען איך ניט זיין צארט. ווייל ער קוקט אויף מיר אויא אויף א סחורה. ער קויפט מיך נור, קויפט ער נור א טהייל פון מיין קערפער און דאס פאר א גאנץ הויכען פרייז און וקא אויף איין אויגענבליק. און אזוי שנעל וויא איך קריעג מיין געלד און ער בעקומט זיין סחורה, קען איך, איהם מעהר ניט דולדען און איך עפען דיא טהיר און איך וויל איהם מעהר ניט זעהען ודו אבער— האט זיא זיך צעשמייכעלט און האט איהם א גלעט געהאן איבער׳ן געזיכט — דו האסט מיך אזוי גוט בעהאנדעלט. דו ביזט פון מיין שעהנהייט ענטציקט און דעריבער בין איך צו דיר אזוי גוט.

ער איז פון איהר ענפער געווען גאנץ ציפריעדען, ער האט איהר געגלויבט יעדעם ווארט וואס זיא האט איהם דערצעהלט.

— דו ווייסט האט ער איהר א זאג געגעבען — דו וועסט אבער לאנג ניט בלייבען אזוי יונג און שעהן, וויא יעצט.

זיא האט געזיפצט — דאס ווייס איך אין עטליכע מינוטען ארום האט זיא און דעריבער איז דאס פיין פון דיר אזוי צוגלעגט. — אלע מענער זיינען דארום העד וואלטען זייא דיא פרוי פאר וועלזייא זיינען אזוי גראב ווען זיי קומען אבע זיי בעצאהלען א פאר דאלאר אויפעפרעסין און מיט דיא פיס צוטראטען.

בעלל האט שוין געשוויגען וויא אמת דאס מיז זיין ? — האט ער געקלעהרט.

— קומט דיר קיינמאל ניט אויפ׳ן זינען אז דו וואלסט געדארפט אבשניידען

זיא האט געקוקט אויף איהם מיט פערמערטע בליקען.

— יא איך טראכט זעהר אפט וועגען דעם עס איז שווער זעהר שווער ארויסצורייסען זיך פון דאנען. איין מאל האט א פרוי פערזוכט צו פערדיענען געלד אויף

א גרוס פון מאקאראוו קיעווער גובערניע

א שוידערליכער בריעף פון אונזער אלטער היים איז ערהאלטען געווארען און שנעלע שטיצע איז נויטיג. דארום קומט און לאמיר זיך בעראטען וואס צו טאן.

דער מיטינג וועט זיין זונטאג דעם 7-טען מארטש ביי סעם ראזענבערג, 286 איסט וואררען

לאזען די צרות פון אונזערע ליידענדע ברידער און שוועסטער אייך ניט לאזען גלייכגילטיג.

קאפלאן׳ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פארנענדע ליינס:

קאמפלי׳ט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פעריש׳ערענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, פוירטענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און ב״ייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

ווילט איהר אייערע

שלעסער, שליסלען קארפענטער וענען, טולס און אנדערע ארבייט

ניט געמאכט און גאראנטירט?

טו קומט צו:

מ. דאמניץ

245 מאנטקאלםסט.

גרענד טשאריטי

באל

ווערט געגעבען ביי די

ליידיעס פון דעטראיט

שבת אווענט דעם 6ען מארטש אין שרייבערס האלל

הייסטינגס קאר. אווירסין

דיעזער באלל ווערט געגעבען אום ארויסצוהעלפען א פרוי מיט זעקס קינדער פון א הונגער טויט, עס איז איבעריג אייך צו בעטען, דער צוועק רעדט פאר זיך אליין.

קאהן יוניאן ארקעסטער האט דאנייטעד די מוזיק פאר דיזען אווענט.

טיקעטס 35 סענט

האט איר ריעל עסטייט צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפע פאר דער העכסטער פרייז דורך די „צו פארקויפען" אדס פון „וועג"

Phone Main 3715

MOE EHRLICH
WATCHES DIAMONDS JEWELRY
SILVERWARE

ניט אלע טאג איז פורים!

און ביי אייער פרוי, ביי אייער כלה, ביי אייערע קינדער וועט זיין שטארק אנגעלעגט, ווען איהר וועט זיי פרעזענטירען מיט א

שלח מנות

געקויפט אין מאע׳ע עהרליך׳ס דזשולערי סטאר, וואו דער גאנצער סטאק איז צוזאמענגעשטעלט מיט אזוי פיעל פראכט און גלאנץ מיט אזוי פיעל געשמאק און אין דער זעלבער צייט וועט איהר שפארען געלט, ווייל עהרליך׳ס פריזען און באדינגונגען זענען די בעסטע אין גאנץ דעטראיט.

„עהרליך: בעהאנדעלט"

ער גרעסטער האלסייל און ריטייל דזשולערי געשעפט אויף דער איסט סייד.

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניען יוגא-סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט.

פינקטליך, זיכער און שנעלע א יסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דזשענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

געגענאיבער דער הויפט אפיס. אפען טעגליך פון 8 ביז 5, שבת ביז 3 נ. מ.

איבער אלעס

געמאכט פון ריינעם האוואנא

יעדער מאן רויכערט דאס

Panama Cigar Mf'rs, Makers

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

די אלט נייע מגלה

א גרויסע, א מעכטיגע רעגירונג. א רעגירונג וועלכע האט פארכאפט א האלבע וועלט און האט זיך אויסגעשפרייט פון מזרח אזיען ביז'ן דרום פון עגיפטען און אפריקא; פון אינדיען ביז אביסיניען. א מעכטיגע רעגירונג, וואס האט געהאט אונטער איהר ממשלה הונדערט מיט זיבען און צוואנציג מדינות, איינע פארשיעדען פון דער אנדערער; הונדערט מיט זיעבען און צוואנציג שפראכען, נאציעס, אמונות מיט זיטען און מנהגים, וואס זיינען געווען ווילדער און משונה'דיגער איינע פון די אנדערע.

און אט־אדי גרויסע און מעכטיגע רעגירונג, וואס האט געקעניגט פון הודו ביז כוש, האט מיט אפענע ארמס אויפגענומען איהרע אונטערטאנען, האט מיט חסד באהאנדעלט די הונדערט זיבען און צוואנציג מדינות; האט טאלערירט די פארשיעדענערליי אמונות, זיטען און מנהגים.

הונדערט מיט זיבען און צוואנציג מדינות, נאציעס און פעלקער האבען זיך געלעבט רוהיג און געמיטליך, זיך ענטוויקעלט; זיי האבען ניט געפיהלט קיין ענגשאפט און ניט קיין גלות אונטער דער הערשאפט פון דער גרויסער, מעכטיגער רעגירונג, — די פערזישע רעגירונג, וועלכע האט געקענט מיט חסד און רחמים איבער הונדערט זיבען און צוואנציג מדינות.

א פריי לאנד, א ליבעראלע און טאלעראנטע מלוכה.

דעמאלט זיינען נאך קיין באהנען ניט געווען. קיין לופט מאשינען ניט; אפילו פון עלעקטרישע באלייכטונג האט מען קיין ידיעה ניט געהאט. ניט צו דערמאהנען שוין די היינטיגע כלי זין וכלי משחית. וואס די ציוויליזאציע פונ'ם לעבטיגען צוואנציגסטען יאהרהונדערט האט ערפונדען.

דאס איז דאך א מעשה פון מעהר ווי מיט דריטהאלבען טויזענד יאהר צוריק. דעמאלט איז אזא טאלעראנטע מלוכה געווען. וועלכע האט געהערשט פון אינדיען ביז אביסיניען און אויף איהר טראן איז געזעסען דער גוטער, דער נארישער מלך אחשורוש.

די אחשורוש'ס דינאסטיע און איהרע יועצים און מיניסטער־קאבינעטען האבען טאלערירט אזוי פיעל פארשיעדענע אמונות. נאציעס און פעלקער; נאר איין פאלק, איין נאציע און איין אמונה האט מען ניט נאר ניט טאלערירט, נאר געהאסט אהן א מאס און אהן א גרעניץ.

דאס אידישע פאלק, די אידישע אומה און די אידישע אמונה — זי האט מען ניט געדולדעט, ניט פארטראגען.

א רעטעניש!

אין א לאנד וואו ס'געפינען זיך אזוי פיעל פעלקער, וואס פארשטעהען זיך ניט איינס ס'אנדערע, כאפט מען ארויס בלויז איין פאלק און מען רודפ'ט עס מיט פייערדיגער שנאה! ווארום דוקא דאס אידישע פאלק פאר'ן שעיר לעזאזל מאכען? ווארום פון די אלע פארשיעדענערליי הונדערט זיבען און צוואנציג אומות בלויז די אידישע אומה פאר דעם ציעלברעט פון שנאה אויסקשטעלען?

א רעטעניש? — ניין! די מגילה אליין גיט א פתרון: —

די הונדערט זיבען און צוואנציג מדינות האבען טאקע געהערט צום פערזישען קעניגרייך, אבער יעדע מדינה האט זיך געלעבט באזונדער מיט איהר שפראך, מיט איהרע מנהגים. נאר דאס איינציגע פאלק וואס האט ניט געלעבט באזונדער. וואס האט זיך אומעטום געפלאנטערט. וואס האט אין איטליכער שפראך א פרעמדען קלאנג אריינגעטראגען און האט מיט זיינע מנהגים די איגענע אויפגעריסען; — דאס איינציגע פאלק וואס האט זיך צעשפרייט צווישען די שבע ועשרים ומאה מדינות, איז געווען דאס אידישע פאלק.

צעשפרייט און צעווארפען איבער הונדערט מיט זיבען און צוואנציג חוקים, אונטער בלויז איין קעניג, איז געווען דעמאלט די אידישע אומה. און פארט האט זי זיך ניט געלאזט אויסמישען מיט די אנדערע. מיט די שטארקערע, קלענערע גרופעס אידען מיט באזונדערע מנהגים, מיט א באזונדערע שפראך צווישען יעניגע — און גאנץ — אומגעבילדעטע פעלקער האבען זיך די אידען אריינגעריסען און אין דער איינהייטליכער גאנצקייט אן אנזיכטיגען שטריך דורכגעשניטען. איז עס ווי א דארן אין די איינענע געוועזן. יעדער המן האט איהם דולדען ניט געקענט.

דער איד לעבט צווישען אלע און פארט באזונדער; מישט זיך אומעטום און ווערט פארט ניט אויסגעמישט. ער שיכור'ט ניט אום יום טוב; שפיעלט ניט אין באל אום שבת; פעגט זיך ניט לשם תענוג; לויפט ניט צו קיין אקספעדיקאמפא און — בוקט זיך ניט פאר געצענדיענער. צווישען אלעמען — אן איינצעלער; צווישען איטליכען — אן אנדערער. ער איז פרעמד און אומפארשטענדליך: פאנטאסטיש און שרעקענדיג. אפילו אזא גרויסע, מעכטיגע טאלערירענדע מדינה ווי די פערזישע קען איהם ניט טאלערירען, קוקט אויף איהם מיט חשד און האט מורא פאר איהם, געטרויט איהם ניט און — האט איהם פיינט.

און המן — ער האט דאך נאר געוואלט אונז אומברענגען!

ווער וויל דאס דען ניט?

ווארפט מיט אייערע אויגען אין אלע פיער עקען פון דער וועלט; כאפט אן די שוואכסטע, אדער די מעכטיגסטע, די שלעכטסטע אדער די בעסטע — ווער פון זיי וויל ניט אומברענגען די אידישע אומה?

המן, דער פראטאטיפ, דאס פארבילד פון אלע שונאי ישראל וואלט אך אין די יאהרען פון דעמאקראטיע, אין די יאהרען פון סאציאלע רעוואלוציעס קיין המן ניט געווען.

ארדבה: ער איז קאנזעקווענט, אויסגעהאלטען, אפען, אהן פאליטישע דרעהלעך און דיפלאמאטישע צביעות צעשפיעלט ער דעם טייטער און זאגט זיין קרעדא ארויס: — צעהן טויזענד שטיק גאלד און מאך שחיטה אויף אידען!

היינט איז דאך טויזענד מאל ערגער: — מען געהמט ביי א ו נ ז געלד און נאכדעם מאכט מען ערשט די שחיטה; מען רעדט ניט אפען און פארשטענדליך, נאר דורך רמזים, אנצוהערענישען. און אהן שום אפיציעלע חתימות פון דער קרוין, פארשטעהען די הונדערט זיבען און צוואנציג מדינות ווי אזוי, ווען און ווי לאנג זיי קענען שחט'ען דאס צעשפרייטע פאלק וואס איז פארשיעדען פון אלע אנדערע.

ווארום זשע המנ'ען פאר'ן פראטאטיפ מאכען?

ווייל ער איז אויך דעמאלט קיין יחיד ניט געווען. ער האט נאר געוואגט די מיינונג און די געפיהלען פון די פערזישע אונטערטאנען אפען אריינצוזאגען.

איך דעמאלט זיינען זיי צבוע'קעס געווען. מען האט זיך אויך דעמאלט געשעמט מיט דער שנאה צו אידען.

דער דייטשער פילאזאף פיכטע האט געזאגט אז פון אלע אידישע קעפ דארף מען איין קאפ מאכען און מיט איין האק איהם ארונטערהאקען. וואלט פיכטע געווען צו דעם היסטארישען מאמריל צוגעלעגט צעהן טויזענד שטיק גאלד, וואלט ער זיינס אויסגעפיהרט.

המן האט באצאהלט פאר זיין ווילען און דאס איז די סכנה! המן האט גלייך מיט פיכטע'ן, גלייך מיט פאדרעוויסקי'ן און גלייך מיט אלע אנדערע שונאי ישראל פון איצט און פון דעמאלט געוואוסט דעם סענטימענט פון די הונדערט זיבען און צוואנציג מדינות. ער האט דעם סענטימענט ארויסגעזאגט און פאר דעם „פלעזשור" מיט שווערע מזומנים געצאהלט באצאהלען. א נגיד האט שוין אפילו א מלך מפש, ווי אחשורוש, ניט געקענט ביישטעהן.

און איצט, ווי דעמאלט — ניין ערגער, און שוידערליכער, און פייערדיגער איז איצט דער האס צו דעם אידישען פאלק וואס וואלגערט זיך ווי א וואגאבונד אין אלע מדינות און איצט ערגער ווי אלע מאל זיינען די המן'ס, און ווען מיר זוכען איצטער ניט קיין שתדלנות מעהר פאר פריווילעגיעס, און ווען מיר שרייען איצט אויס פאר דער וועלט אונזער צער און דעם ווילען צו אנטלויפען פון די הונדערט זיבען און צוואנציג פעלקער און גלייך ווי זיי ווילען מיר לעבען באזונדער און זיך ניט פלאנטערן מעהר פאר די פיס פון די המן'ס — ווען מיר טוען דאס אצינד, איז עס דערפאר ווייל מיר האפען, אז דאס געוויסען ביי די איצטיגע פעלקער איז געווארען רייף און אז ווי אליין ווילען דאס יעדער פאלק זאל זיין חיים האבען.

איז אונזער האפנונג ניט קיין פאלשע?

די נאהענטע צוקונפט וועט דאס באווייזען.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

המנ'קע גנב!

אזא המן! מ'קען זיך גארניט אפטשעפען פון איהם! יעדעס יאהר מוזען מיר איהם דער'הרג'ענען מיט פאראייניגטע כחות און יעדעס יאהר מאכט ער אונז אויסגעבען געלט אויף המן-טאשען, גראגערס שלח - מנות און אנדערע זאכען; אצינד די שווערע מיה!

היינטיגס יאהר דער'הרג'ענען מיר אים און קענען אפילו דערביי קיין שנעפסעל ניט געקענט מאכען, און איבער א יאהר וועלען מיר זיך ווייטער דארפען מוטשען איהם צו דער'הרג'ענען.

און נאך באריהמען מיר זיך, אז מיר האבען געזיעגט איבער המנ'ען!

* * *

מען אנערקענט שוין ווידער.

עסהאלט שוין ווידער ביים אנערקענען די באלשעוויקעס

ביז אהער האט מען שוין אנערקענט:— אז זיי האבען געפטר'ט קאלטשאקען, אז זיי זענען באלשעוויקעס, אז זיי האבען א סך פראדוקטען און רוישטאפען, אז זיי נויטיגען זיך אין שפייז און מאשינען אז'ג איצט דארפען די עלייעס בלויז אנערקענען, אז מען אנערקענט זיי...

* * *

וואס קומט ארויס

„די יקרות אויף לעבענס - מיטלען וועט באלד פאלען", פארזיכערט אונז בערנארד בארוך, דער טשערמאן פון דע וואר-אינדוסטריעס באארד.

א קנאפע טרייסט! וואס קומט אונז ארויס, אז דער יקרות פאלט, אז די פרייזען אויף לעבענס - מיטלען האלטען זיך אין איין הויבען....

* * *

וועט זיין ביטער.

אין איטאליען, פארזיכערט אונז א פראנצויזישער סאציאליסט, וועט אינגיכען איינגעפיהרט ווערען א סאוויעטען רעגירונג.

אויב די איטאליענער זאלען ווערען באלשעוויקעס איז א פאסקודנע געשיכטע: אז איך וועל ארייננעהן צו אן איטאליענער ער זאל מיר אפפוצען די שיך, וועט ער די שיך מיינע נאציאנאליזירען אין נאמען פון אינטערנאציאנאל!

דער נייער המן

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון א. סיימאן

ראגערס, גראגערס מיט התלבות;
המן קומט צוריק: —
ניט אין שושן — איז אין פוילען
קייפט פאר איהם א שטריק...

אין דעם טייוועל שוין געלונגען,
א טען זיך אין בלוט,
רייסען בערד און שניידען העלזער,
אין דעם לאנד פון פרום...

אין פשעפאנסקי, דער מיניסטער
בויט א נייע לאנד,
מוז ער ווייזען אין רציחה
און זיין אלטע שאנד...

אין ווי אלע קאלטע מערדער
ייבענט ער זיך אויס,
ייגט זיין בילדונג, אין זיין ווינעל
זייט זיין מאטעם שוים...

ראגערס, גראגערס מיט התלבות,
המן קומט צוריק: —
ים אין שושן, איז אין פוילען
קייפט פאר איהם א שטריק...

מפוזר ומפורד

(פורים - שטימונגען)
פון י. ל. מאלאמוט

עס קלינגט במעט ווי א לעגענדע, די גאנצע געשיכטע פון דער מגלת אסתר, עס איז קיין געשיכטע ניט, אבער א מעשה און יעדער מעשה האט זיך ווי דער שטייגער איז, איהר מוסר השכל און דאס איינענע איז מיט פורים.

עס איז ניט קיין אונטערשייד אויב אין שושן האט געלעבט פונקט אזא המן, אבער אז המנ'ס זענען געווען איבער אונז, זענען דא און וועלען פיעלייכט נאך זיין אזוי לאנג, ווי דער „מפוזר ומפורד" וועט בלייבען דאס שטארקסטע שלאגווארט אויף אונז, סאי פון איינענע סאי פון פרעמדע, אין דעם צווייפלען מיר גארניט.

און דעם מפוזר ומפרד בין העמים, וואלטען מיר נאך ווי עס איז געקענט פארטראגען. האט מען דאך אונז א לאנגע צייט איינגעשמועסט, אז מיר האבען אויף זיך א היילינען חוב, א היסטארישע מיסיע און צוליעב דער מיסיע מוזען מיר זיין צוזעעט און צושפרייט צווישען די אומות העולם, אום זיי ברענגען ליכט און וויסען.

מיר מוזען תמיד זיין דער יעניגער וואס טראגט דעם העל'ן ברענענדען פאקעל וואס באלייכטען פאר דער וועלט דעם פינסטערען מדבר וועג, וואס איז זאמדיג און בערגיג, וויסט און ניט באוואסערט.

זענען מיר אפשר דערפאר טאקע די יעניגע וואס ליפערען אזוי פיעל העלדען, ווייל א פאקעל - טרעגער מוז געהן מיט מסירת נפש, צו האלטען א פאקעלדיג פייער און אליין ניט געשעדיגט ווערען, בעת מען באלויכט דעם וועג פאר אנדערע איז ניט מעגליך, און אפשר דערפאר זענען מיר א פאלק פון טראגישע נשמות וואס קומען אום אויף קידוש השם.

וואו א שטורם זענען מיר די ערשטע צו ראטעווען, און ראטעווענדיג די אנדערע דינקען מיר אליין ארונטער אין דעם שטורם, וואו א פייער זענען מיר די ערשטע צו ראטעווען פון דער שרפה. און אייערען מיר פאר'שרפה'ט און בלייבען דערנאך מאכטלאז און פארגעבען.

אפשר דערפאר האבען מיר זיי געגעבען א „ואהבת לרעך" און זיי האבען אונז'אפגעצאהלט מיט „שנאת עמים". מיר'האבען זיי אויסגעשריען און געלערנט: „לא תרצח". נאך מיט טויזענדער יאהרען צוריק, און זיי אונז ענטפערען נאך איין מיט פאגראמען, אין פוילען און אוקראינע.

אזוי האט מען אונז געוואלט איינשטיעסען; און מעגען די רעפארמער נאך היינט אפילו שרייען אז די מיסיע איז א מיסיע. און מיר דארפען זיך האלטען ביי איהר, מיר אבער ווייסען שוין, אז די הדשה איז אלטע, און איבערגעקייטע, א באנקראטירטע. און ווען מיר געפינען נאך א באר-ערטונג פאר דעם מפוזר ומפרד „בין עמים", צוליעב דער „מיסיע", איז אבער דער מפוזר ומפורד ביי אונז אליין נאך פיעל ערגערע קללה, און טויזענדפאכיג יעקליכער ווי „בין העמים".

אונזער איינענע צושפליטערטקייט, און צוריסענקייט אויף טויזענד שטיקער, אז מ'זעהט ביי אונז קיין איין גאנץ גליעד ניט ארויס; זענען דער דאזיגער מכה איז נאך קיין תרופה ניטא.

אין דער צייט ווען דער גאנצער אידישער גוף אונזערער איז צוזאמערט און דאס בלוט טריפט פון די וואונדען, און די זילות טראגען זיך עד לב השמים, אין דער צייט. ווען די שרפה איז אין פולען בראנד און די פלאמען טראגען זיך ביז צום הימעל יעה: מיר לעשען מיט לעבעדיגע עמער, ראטעווען מיר ניט קיין נפשות, נאר אלטע חפצים, שמאטעס, מיר לענען אזוי מטושטש, אז אנשטאט אלע זאלען לעשען, אלע זאלען ראטעווען אלעמען, האמפערען מיר זיך, און שרייען: וועמען ראטעווען, ווער זאל געהן ראטעווען? וועמען זאל מען שיקען? וועמען זאל מען ברענגען?

און ווען יענע רעליפניקעס שטיצען אזא שולע און ניט קיין אנדערע, בין איך פטור.

מ'האט אפגעמאסטען ביז דער איינענער פראוראמע, איין אידישע קינדער — חיים איז אידיש, דן אנדערע ניט, ווייל דן דער דאוונען פון צוויי'ערליי סדורים.

און וואס ספרדיים בויען, וועלען אשכנזים צושטערען, און דאס וואס ביי „אידען" איז הייליג איז ביי „יודען" ביליג און גראב.

און טויזענדער ראיות פון צעהנדליגע פארטייען, אידישע, מיט הונדערטער פראקציעס וואלטען געקענט דערמאהנט ווערען און געוועזען ווערען אלס טרויעריגע ביישפיעלען, צו וואס דער מפוזר ומפרד אין אונזער איינענעם לאגער האט אונז דערפיהרט, ווען —

ווען מען זאל שוין ביי אונז אויפהערען ווארטען אויף נסים.

עס געשעהען ניט קיין נסים...

דער גרעסטער נס פון דער היינטיגער צייט, וואלט געווען, ווען די געשיכטע וואלט אונז איצט אין דעם לעצטען צענדליג יאהרען געווען ברעכען גרויס פאר דער גרויסער ארבעט וואס זי האט אונז אנגעצייכענט.

עס איז אונז אנגעצייכענט צו זיין די בויטייסטער און איבערשאפער פון דעם אידישען לעבען.

מיר אליין זעהען צייטענווייז קלאהרע סמנים פון א רענעסאנס, אין אונזער שפראך, ליטעראטור, קונסט, מוזיק, בכלל אין אונזער גאנצער קולטור, עס וועבען זיך צוזאמען יענע היסטארישע פעדים און זיי לען באהעפטען אונזער אלטע פארגאנגענהייט — דעם נעכטען מיט דער צוקונפט — דעם מארגען.

אט באווייזט זיך דא און דארט א פרייטער העל אויפשיינענדער שטערן איבער אונזער הימעל און עס דוכט זיך, אז אט קומט דער טאג, אונזער טאג, און אלע אלע שטרעבען מיר דאך צו איין ציעל, אלע ווילען מיר און באגערען דאס גרויסע ליכט אבער קיין וואונדער געשעהען ניט.

דער מפוזר ומפרד, אונזער גרעסטע שטרויכלונג ליעגט ווי דער ספינקס ביי אונזער טהיר, לאקערט איבער אונזער שוועל. און אלע געהען מיר איבער די מדבר וועגען, קרייצען זיי דורך, מיידען אויס איינער דעם אנדערען, און דארטען וואו עס בריהט, אנשטאט וואסער צום לעשען גיסען מיר צו ברען-שטאף, און דארטען וואו עס גליווערט און פריהרט טראגען מיר ארין אייז, אנשטאט היץ און פלאם.

אנשטאט רפואת, ברענגען מיר אפט סם המות, און וואו עס פאדערט זיך הילף און א ברודער האנט לענען מיר אליין שטרויכלונגען און זענען גורם שפיכת דמים.

און אונזער מפוזר ומפורד האט דער גרעסטער שונא, אפילו דער גרעסטער המן פון אלערליי צייטען אויף אונז ניט געקענט אויסטראכטען.

און פונקט ווי מיר האבען אויפגעגעבען די מיסיע צו ראטעווען די וועלט, צו טראגען ברענענדע פאקעלען זיי צו באלייכטען זייער פינסטערען מדבר, אזוי וועלען מיר סוף כל סוף מוזען עפענען אונזערע אויגען און זעהען:

אין אונזער איינען הויז איז א שרפה, און מיר שטעהען, או האמפערען זיך!

ווערט שטיל און הערט!

פון דרויסען די שווערד, פון אינוועניג דער הונגער, אהין, צו דעם הויז וואס ווערט פארצוקט פון די פלאמען, אלע אהין!

אלע צום ברונעם, וואסער טרענגט! ראטעוועט דאס הויז פון ישראל, קינדער זענען קינדער, פון וואס פאר א סידור מען זאל מיט זיי ניט דאווענען!

אנדערש וועלען בלייבען סידורים אהן הייזער און אהן קינדער!

ניטא קיין פארטייען, איין פארטיי שאפט א פארטיי פון אנטי - מפוזר ומפורד'ניקעס גענוג געווען א פאלק פון פאקעל-טרעגער און צירקולארען און פראגראמען שרייבער! פייערלעשער, צו די עמער, אלע, ווער נאר עס האט הענט!

און עס וועט אפשר א וואונדער געשעהען!

אויף די מדבר - וועגען וועט ברודער א ברודער באגעגענען, איהם טיעף אין די אויגען ארייננקוקען און איהם א האנט דערלאנגען.

און דעמאלט וועט אין דער אידישער געשיכטע פארשריבען ווערען א פורים פון אונזער צייט, און געשריבען וועט ווערען א מגלה פון פייער.

פון איין זייט יס האט א ברודער'ס הויז געברענט און פון איבער דער אנדערער זייט האט א ברודער דעם פייער-רוף דערהערט און איז געקומען צוהילף.

און וואס שטארקער די נויט אלץ קרעפטיגער איז געווען דעם ברודערס האנט, און איבער די ברויזענדע כוואליעס פון שטורמישען ים האט דער ברודער זיך געטראגען און די הילף דערנעהענטערט, פון סכנה געראטעוועט ווי שעהן, ווי שטארק אזא מגלה וואלט זיך געלייענט!

א מגלה פון פייער.

אהן מפוזר ומפורד.

לאמיר זיך דורכריידען

(א שמועס מיט דעטראיט'ער אידען לכבוד פורים)
פון ר' ברוך'ל

הריאאהאר עס א רינען ווין, נאר איך האב יעדר מיהא אז די אומות העולם האבען ביי אונז צוגענומען אזוי פיעל ... יאבען די יעהנע גראציעזע „הייליגע מאליע" אריינגערעכענט — ווערען סוף כל סוף צוגענומען ביי אונז דעם פורים אויך.

פסח, שבועות, ראש השנה האבען זיי שוין צוגענומען. געדענקט אידען אז זיי ווילען נאך דעם פורים אויך אוועקלאטבענען.

דעם גראגער האבען זיי שוין אויפגעלאטבענט; דריי יאהר בסדר האבען זיי א וועלט פארגראגערט מיט „דעמאקראסי" מיט „איביגען שלום", מיט „גלייכע רעכטע פאר קליינע נאציאנען" אין ברוטה אועלכע שעהנע פראזען און גראגערדיגע מליצה. און איינגעלאזט האט זיך דאס מיט נארניש. ווי הערען אצינד די אלע פראזען ווי — המן דעם גראגער. עס איז, זאגען זיי, געווען א צערעמאניע, א מנהג. פונקט ווי ביי אידען איז א מנהג, אז אום פורים זאל מען המנ'ען פארקלאפען דעם קאפ מיט א גראגער, אזוי האבען זיי פארקלאפט דעם קאפ מיט פראזען.

אין דעם גראגער איז דער גאנצער רעש אבער דאס ציינגעל. אהן דעם ציינגעל וועט דער גראגער ארויסגעבען א פארפרופענעם, הייזעריגען קול, ווי דער פראטעסט פון דייטשלאנד, ווי דער ברונז פון כינא און ווי די נסיכה פון עסטרייך. און ביי דעם וועלטליכען גראגערען פון בער מאדאם דיפלאמאטיע איז אויך נאר דאס ציינגעל דער עיקר.

אט האט מען ביי דער דייטשער דיפלאמאטיע אויסגעשניטען דאס ציינגעל, ליעגט זי אצינד ווי א פארברענטער המן-טאש; אט האט רוסלאנד זיך אליין אפגעשניטען די דיפלאמאטישע צונג און זי בריפעט, ווי א אידישע כאריסטקע; אט האט כינא קיינמאל קיין צונגעל ניט געהאט און זי מוז אפקומען מיט טרייסלען פאר כעס מיט'ן צאפ. איהר שטימע הערט זיך ניט.

פון וועמען האבען זיי דאס גנאשט? — פון אידען!

אידען האבען ליעב צו גראגערען: —

גררראאאגעררררר! א מיליאנענדיגע הלואה, א דריי מיליאנענדיגע הלואה, גראגערט מען אפ דריי מיליאן אסיפות און נאכדעם זוכט מען אן אנדער ענין.

גררראגעררר! א קאנגרעס! איין קאנגרעס. פערמאנענטער קאנגרעס, קומט שפעטער צו נאך א קאנגרעס, א מין אונטערשלאק אויסגעארבייט מיט און פון דער אידישער נאדעל אינדוסטריע און באקנעפעלט און באצבויגט'ט, אז מען קען קיין טאלק ניט דערגעהן וואו עס הויבט זיך אן דער ארבייטער, וואו עס ענדיגט זיך דער איד.

די אומות העולם האבען אויך מקיים געווען זייער גראגערדיגען יום טוב מיט אזוי פיעל שמחה אז זיי ווייסען ניט וואו עס הויבט זיך אן דעמאקראטיע און וואו עס ענדיגט זיך רעאקציע.

זיי ווייסען ניט בין ארור המן לברוך מרדכי. זיי האבען זיך אזוי פארטיעשקעט מיט דער מאדאם דעמאקראסי, אז זיי האבען גאר פארגעסען אז דער פונדאמענט פון יעדער רעכט איז — צו לעבען, און אז א פאלק וואס וויל, ווי אמאל המן, להרוג ולאבד את כל היהודים, אזא פאלק טאר אין דער נאציאנען ליגע ניט אריינגענומען ווערען. אבער זיי האבען זיך פארטיעשקעט, פארגעסען ווי דעם נייעם המן אין שילטען און דערלאזען אויסצומארדען דעם אלטען מרדכי'ן.

און זייער גראגעריי האבען זיי אויך פארגעסען אז דער אזוי פיעל פארשריענער הייליגער רעכט פון די קליינע נאציאנען.

אויב עס האט אמיצער מיט טויזענדער יאהרען צוריק געשריען און געגלאנערט פון אייביגען פריעדען איז דאס דער אידע. צום סוף האט מען זיך פארטיעשקעט און פארגעסען אריינצונעהמען אין דער נאציאנען-ליגע א אידישען פארשטעהער. פון אונז גענאשט די איבעע, פון אונז גענער מען אלע שעהנע פראזען, די גאנצע הייליגע מליצה; זיי האבען אויסגעשניטען אונזער צונג און אריינגעלעגט אין זייער דיפלאמאטישען גראגער און אפילו פארגעסען „ספאסיבא" צו זאגען.

ניט העפליך, ניט שעהן, מאדאם דיפלאמאטיע, פע, גאר ניט שעהן!

האט מען דאך אונז ניט אריינגעלאזט אבער שלוח מנות, לאמיר האפען, וועט מען אונז שיקען.

אמת טאקע אז דער משלוח מנות וואס מען שיקט שוין א פארגעסענעם חיוב'ניק, איז ניט אזא גרויסארטיגער, און ארומגעצופטער המן-טאש, א צוגעלעגערט מאנדעל און אמאל — ניט קיין פרישען מאראנץ, דערפאר אבער וועלען זיי פון אונז קריגען: ראזשינקעס מיט מאנדלען, פרישע מאראנצען, א פלעשעל כרמל און א פארברענט און א פאר'שרפ'ט מלכות-ברעטעל.

צ'אלרייט, אונזערע משלוח-מנות טרעגער, אונזערע טראצקי'ס און אונזערע יאפע'ס, וועלען פון די מלכות ברויטלעך מאכען אזא תכלית, אז דערוועהענדיג דאס אויף דעם משלוח מנות טעצעל, וועט זייער ווערען אין בויך ווי אונז פון דעם ארמגעצופטען המן-טאש און צוגעלעגערטען מאראנץ.

עס איז נאך אפילו צו פריה צו ריידען און מאכען א סך הכל פון דעם דיפלאמאטישען פורים-שפיל.

דערווייל ווייסען מיר נאר, אז בלויז איין פוילען איז צופריעדען מיט'ן משלוח מנות, אז עס וועט נאר זיין א נס פורים, אויב זי וועט ניט אפשיקען א פארספאטאקירטען מאראנץ ווי א באמבע די גרויס.

מיט'ן משלוח מנות קיין רוסלאנד ווארט מען זיך שוין און מען קען פון דארטען קיין טאלק ניט באקומען. מען וואלט שוין געוואלט צוריק ארויסנעהמען כאטש בלויז די משלוח מנות טרעגער מיט גאנצע ביינער און פארמאכטע מוחות איז דאך דאס אבער טראצקי, א מומר להכעיס. ניט נאר האט ער ניט באדאנקט פאר'ן משלוח מנות, נאר ער האט נאך די טרעגער דערלאנגט אין קאפ אריין מיט א 'שאק סקאזאל ליעגין" און זיי צו-עפענט די מוחות:

אזוי צו אנדערש — דערווייל האבען די אומות העולם פארלאפט דעם יום טוב פורים מיט אלע זיינע מכשירים אפילו מיט דער אחשורוש שפיעל, מיט די המנ'ס און מיט די עשרת בני המן און זיי מאכען אונז א שעהנעם תכלית פון דעם פרעכטיגען אידישליכען משלוח מנות מנהג.

א נאאיווע פראגע

א גריכיש מיידעל, וועלכע איז אנגעקומען קיין אמעריקא צו איהר חתן, איז ניט ערלויבט געווארען מיט איהם צו חתונה האבען, ווייל זי קען נישט לעזען און שרייבען.

דאס ערשטע מאל הערען מיר, אז צו חתונה האבען מוז מען קענען שרייבען און לעזע אויך!

* * *

אי ווען זיי דערוויסען זיך

פון לאנדאן קומט א ידיעה, אז די באלשעוויקעס ווילען האבען קאנסטאנטינאפאל.

אך, ווען די באלשעוויקעס זאלען וויסען דערפון!...

די „וועג" מאכט אלע דרוק:
ארבייט
שנעל
און
גוט

די מגילה

גערט ארויס איין מאל אין יאהר. — דאנערשטאג, מארטש 4, 1920 — פורים־נומער

דעטראיט און שניפשאק

(א עדיטאריעל א־לא ב. י. גאלדשטיין)

פון עא איפסא

מיר זאגען:

דעטראיט און שניפעשאק

אבער —

ס'נישט אמת!

דעטראיט וועט קיינמאל נישט דערוואקסען צו זיין א שניפעשאק.

אין שניפעשאק מעלקען זיך די ציגען.

אין דעטראיט מעלקען זיך די פיטנער.

אין שניפעשאק גערט מען איין א „וועג".

אין דעטראיט רעדאגירט מען א „וועג".

אין שניפעשאק איז פאראן א מקוה כשרה פאר אידישע טעכטער.

אין דעטראיט זעהט מען זיי נישט די אידישע טעכטער.

און על דא קא בכינא: —

אגאו זיינען אונזערע אידישע טעכטער, וואס געבען איינגעציילבענ־ען מאטעריאל פאר די לעצטע פיידוש עדיטאריעלס?

זיי זיינען נישטא!

געהט אינמיטען איבער וואדוואהד עוועניו אין דער לענג. אין דער ברייט זאלט איהר זיך נישט דערוועגען צו געהן. מחמת מיר קענען נאך פארהרען חלילה א לעזער.

און וואו זיינען די לעזער?

יא, מיר מוזען דאס וויסען: — אוואו זיינען די לעזער?

זיי שפיעלען פינאקעל, שפיעלען זיי!

און דאס איז נישט אידישלעך.

אידען שפיעלען אין צעטלאך; אידען שפיעלען גראמאפאן, שפיעלען זיך אין קאץ און מויז, אבער נישט קארטען.

און שניפעשאק שפיעלט מען אויך נישט קיין קארטען.

און דערום זאגען מיר, אדער בעסער און ליכטיגער געזאגט: דערום שרייען מיר אויס: דעטראיט און שניפעשאק, שניפעשאק און דעטראיט, ווי ווייט זענט איהר איינס פון ס'אנדערע!

טעלעגראמעס

טעמפעל בעטהעל. — דורך אן אל־געמיינער אפשטימונג פון דער „געמיינ־דע" איז באשלאסען געווארען אפצולע־גען דעם יום טוב פורים, אויף צוויי טעג און דער טאגעס־ארדנונג פאר גאטעס־דיענסט היינטיגעס יאהר וועט זיין ווי פאלגט:

שבת ביטאג 1 אהר נ. מ. „עסטער תענית" מיט פאסטען פון 1 ביז 6.

זונטאג אין דער פריה פון 10 ביז 10:30 מאגילאה לייענאכץ מיט האמאן־טאשען.

2 א זייגער בייטאג שלאקאמאנעס.

(די דרושע ווערט געדרוקט אויף א באזונדער פלאץ אין דער היינטיגער מגילה).

אוקלאנדער פרין שולע. — אמת'ע קאלעקטארס און המן־טאשען מיט א המן־רעל אין יעדען דריי שפיציגען טאש און מיט א שושנת יעקב ... אויסגעגראווירט פון מאן וועלען פרעזענטירט ווערען צו יעדען שילער וואס וועט דעקלאמירען די מגילה אויף אויסווענדיג.

הייסטינגס סטריט. — צוליעב דעם זול אויף שטיקלאך צוקער, וועלען דע־טראיטער אידען היינטיגעס יאהר זיך שיקען משלוח מנות 3 שטיקלאך צוקער אנשטאט מלכות ברויטלאך.

קאפענהאגען. — פון ווארשאו איז ערהאלטען געווארען א ידיעה, אז דער פוילישער סיים האט ארויסגעגעבען אן ערלויבניש אז אלע אידען מעגען פאסטען אסתר תענית.

א דאנק פאר דער שתדלנות קומט דעם הרב פערלמוטער.

פעטראגראד. — דא ווערט היינט פארצייכענט א גרויסער נס.

עס איז ערהאלטען געווארען א פעקעל שפייז וואס איז געשיקט געווארען פון אן אמעריקאנער קרוב.

נאך א גרעסער נס איז וואס דאס פע־קעל איז ערשט אויסגעשיקט געווארען פון אמעריקא אין יולי 1915. בסך הכל מיט 5 יאהר און 7 חדשים צוריק. דער קרוב, ווי עס ווייזט זיך אבער ארויס איז שוין לאנג אויפ'ן עולם האמת.

נ. ייארק. — די קאנגרעס עקזעקוטיווע האט באשלאסען צו פארופען א ספעצי־עלע זיצונג און צו באשליסען ווען צו פארופען א קאנגרעס זיצונג. עס איז גאנץ מעגליך, אז דער קאנגרעס זאל נאך אפשר פארופען ווערען היינטיגעס יאהר.

אן אפענער בריעף צו ושתי המלכה

גנעדיגע באהערענטע קייסערינע.

קען עס געמאלט זיין אז די מגלה האט איבערגעגעבען ריכטיג די געשיכטע פון אייער פינסטערען סוף?

אמת טאקע אז א קיסר'טע זאל היינ־טיגע צייטען שטארבען אויפ'ן גאלאגאן, איז ניט קיין דבר חדש. עס איז אבער נארניט צו גלויבען אז אזא שעהנע דא־מעטשקע ווי איהר, מיסעס ושתי, זיינט, זאל זיך אפזאגען צו קומען מיט דעקאל־טע צו א פארטי.

טאטעלעך! ווען איהר זאלט היינט קו־מען אין אידישען טעאטער, וואו מען שפיעלט אלע מאנטאג און דאנערשטאג פורים־שפיעל, און זעהן ווי די „יונגע" פרימאדאנעס, וואס געדענקען אייערע צייטען און וואס שטעלען זיך שוין אריין צום דריטען מאל צייהן, קוקען אוים אין דע־קאלטע; איהר זאלט זעהר ווי דיזע פרי־מאדאנעס קענען זיך אזוי שעהן דעקאל־טירען, וואלט איהר באין אופן ניט גע־גלויבט אז א קיסר'ניע זאל האבען אמאל זיך איינגעשפארט בעסער דער טויט, איי־דער טיפע דעקאלטע.

ניין, מיר גלויבען ניט אז דעם.

ממני ידידך

ר' ברוך'ל

נסים ונפלאות

(וואס וועלען געשעהן אין פורים פון 2020 אין דעטראיט)

אויף הייסטינגס סטריט וועט מען רע־דען ענגליש, האלטען ריין די גאס, און די רעסטאראנען וועלען לעגען א פריש טיש־טוך יעדע טאג.

די 14טע סטריט קאר מיט דעם אויפ־שריפט „לימיטס" וועט ענדליך דערפאה־רען ביז'ן „לימיט" און ניט שיקען די קעש קאסטימער אויף ליפט.

דעטראיט וועט האבען אן איינען אי־דיש טעאטער.

וואודוואהד עוו. כפל'דיגע קארס ווע־לען לויפען אויף הייסטינגס סטריט.

אין האנא שלאס בילדינג וועט מען רעדען אידיש.

ה. רויזענבלאט וועט ווערען אויס פאר־ויצענדער אין שטאט.

אויף דעם פועלי ציון חסידים באל וועט מען טרעפען א חסיד.

דער פרין פאראיין וועט האבען צוויי מנינים צו א לעקציע.

שילדינגער און שפאלטער ווערען שלום מאכען מיט רבי הירשמאן.

משלח מנות

בראמבערג'ן קאמאי'ן און די אנ־דערע לערער — א יעקב דינעזאהן.

די היגע ציוניסטען — נאך איין צביון פאר'ן „פארווערטס". אפשר ווע־לען זיי עס דערפיהלען.

די ווייבערשע דאליע

(א רעצעפ־פיידוש־עדיטאריעל א־לא ב. י. ג—ן)

פון עא איפסא

מיר שטעהן ביי דער באליע מיט וועש. מ'ר אטענדען די קינדערלעך מיט די קאליע מעגעלעך און מיר טראכטען: ווי שלום און צרה'דיג איז די דאליע פון דער פרוי!

אינזער הארץ ווערט צוניפגעדריקט פון דעם קארסעט און מיט אזא צוניפגעדריקט און צוניפגעקוועטשט הארץ טראכטען מיר, אז ס'איז שוין צייט אז די פרוי זאל אויפהערען צו ליידען און פלאגען זיך.

מיר פרעגען זיך:

ווארום זאל דער מאן, דאס מענערשע געשלעכט נישט וואשען קיין ווינדעלעך, קיין דייפערס? ווארום זאל'ס מענערשע געשלעכט נישט שקרא־בען פאדלאגעס, אטענדען קינדערלעך מיט קאליע מעגעלעך? און ווארום זאלען זיי נישט צו שוואנגערען א קאפעטשקע פון צייט צו צייט?

יא, מיר מיינען עס טאקע.

טויזענדער און טויזענדער יאהרען שוואנגערט דאס ווייבערשע גע־שלעכט; טויזענדער און טויזענדער יאהרען איז דאס ווייבערשע געשלעכט פארשקלאפט צום שוואנגערטום. ווארום זאל איצט, אין דער פרייער צייט, אין דער צייט פונם צוואנציגסטען יאהרהונדערט, דאס מענער געשלעכט נישט באפרייען די פרוי פון דיזער שקלאפעריי און אליין צושוואנגערען און געבוירען?

מיר זאגען דערום, אז די פרוי דארף שארף פראטעסטירען און ווען ס'עט קומען צו עלעקשאנס, זאל די פרוי וואוטען נאר פאר דעם קאנדידאט, וואס וועט וועלען זיין א מיסטער פאר די מענער־דערמיט, וואס ער וועט זיך אונטערנעהמען צו שוואנגערען.

עס לעבט די מגילה

(א פורים'דיגער פעליטאנדעל)

פון ר' ברוך'ל

„אלע ימים טובים וועלען בטל ווערען — זאגען אונזערע חז"ל — נור פורים וועט נישט בטל ווערען".

פאר וואס?

אוואו איז דער שכל דערפון?

אמת טאקע אז פורים קען נישט און דארף נישט בטל ווערען צוליעב'ן מיטעל בראנפען.

ווי זשע איז דער דין אז מען וועט אויך נאך משיח'ס קומען זיך האלטען אן דער ערפילונג פון די פראבישיאניס־טען? צו וואס ט'מען דארפען די גאנצע צערעמאניע אז מ'עט זיין „טרוקען", ווי אן עדיטאריעל?

אין דער תירוץ: — די מגילה וועט אויפהאלטען דעם יום טוב פורים.

נישט קוקענדיג דערויף וואס אונזער עדיטאר, זאל ער מאריך ימים זיין, שרייט גוואלד אז זיין לעזע פובליקום איז מורא'דיג מאראליסטיש און ס'גלייבט נישט קיין פיקאנטע מאנסעלעך, און ס'האט פיינט פארנאגראפיע, און ס'אנ־טלויפט פון בעד רום סטאריעס און פון ענגלישע אזעלכע באַ'טעם'טע און פע־פערדיגע פאטראגעס, פונדעסטוועגען בלייבט עס פארט א פאקט, אז דער עולם אפילו זיין עולם, איז זיך מחיה ווען ס'לייענט א מאנסע מכה א נאקע־טער מלכה וואס מען האט געוואלט באַ־ווייזען פאר א „ווערטהען פובליקום", מכה 'אן אנדער מלכה, א גרינגע אבער א באַ'חן'טע. וואס האט געמאכט „גוגו־איים" צו א פריים מיניסטער און פונקט דעמאלט ווען ער האט שוין געפאדעט ארום איהר, אוים דער קייזערינס בעט, פונקט דעמאלט, ביים סאמע קלימאקס באוויזט זיך אלײן דער מלך; דאס אי־בערציינט אז נישט קוקענדיג אויף די פארלוימדער און טראצקי'ס וואס זאגען, אז וואו א מלך איז ער א טיפש, א שוטה בן פיקחאלין, האט פונדעסטוועגען אונ־זער קיסר פון דער מגילה שכל געהאט צו קומען ביים סאמע פאינט.

ליעבער פריינד רעדאקטאר, ווען איהר זאלט דרוקען אזעלכע מאנסעס אין'ם „וועג", וואלטען מיר פארגרעסערט די צירקולאציאן אין די טויזענדער, און לאָ־מיר אייך זאגען, אז מיר וואלטען גע־קענט קאנקורירען מיט דער מגילה און דער „וועג" וואלט באין אופן ניט בטל געווארען, אלע פיופערס וואלט מען אי־בערגעלאזט אין גלות, און אונזער פיי־פער וואלט מען מיטגענומען קיין ארץ ישראל.

ווארום און ארץ ישראל וועט מען דאך נאכמעהר חשק האבען צו לייענען פע־פערדיגע, פיקאנטע מאנסעס מכה נאקע־טע מלכות און מכה מלכות וואס קענען מאכען „גוגואיים" צו מיניסטארען.

וואודען ט'מען טאן אין ארץ ישראל?

מ'עט לייענען איטליכער אונטער זיין וויינשטאק. מ'עט סמוקען די אמת'ע טורקיש פייפ טאבעקא'ס, מען וועט זיך קראצען מיט די יארמעלקעס, און מ'עט מן הסתם טראכטען וועגען שאפען שעה־נע מגילות וואס זאלען זיין א פלעזשור צו לייענען ליגענדיג אונטער'ן טייטעל־בוים און קרעכצענדיג פאר תענוג.

אט דערום, וואלט איך געזאגט, זאל דער עולם באלד זיך נעהמען צו גרייטען אט דעם מגילה'וואטען מאטעריאל קיין פאלעסטינא.

דאס ווערטהע פובליקום און די קוראים נכבדים קענען זיך באגעהן אהן וויל־העלם'ען. קענען זיך באגעהן אהן באל־שעוויזם, אהן לעקציעס מכה דעם איבער־מענטש, מכה קונסט און מכה רעפאָרמעס — זיי קענען זיך אבער נישט באגעהן אהן פיקאנטע מגילות.

אלצדינג וועט בטל ווערען. מיר'ן נאך דערלעבען א צייט ווען מ'עט נישט זא־גען קיין קינות. זיך נישט שלאגען קיין על חטא'ס, נישט ראווגען, נישט שטע־הען קיין שמונה עשרה און נישט שלאגען קיין כפרות.

מ'עט זיך באגעהן אהן ליערער, אהן סקיצען, אהן עדיטאריעלס, אהן פעליי־טאנען און אהן "שפריצען".

עס וועלען אפשר בטל ווערען „איין קריעם סאנדיים". טשאריטי בעלער, עלעקשאן ספיטשעס און ר' ברוך'ל'ס פעליטאנען.

אלצדינג וועט בטל ווערען אבער נישט פורים.

פורים וועט לעבען צוליעב דער מגילה.

מיר דארפען נייטיג האבען מגילות וואו סע באשרייבט זיך אקוראטנע די מעשיות מכה פאר'כוסה'טע מלכים, מכה נאקעטע מלכות און מכה גרינגע מיידלעך, וואס ווייסען ווי צו פאהרדעהען א קאפ קיי־זארים, מיניסטארען וכדומה.

עס לעבע די מגילה! הורדיי!

מוזיקא דע לא מעגילא

א וויסענשאפטליך מוזיקאלישע אפה אנדלונג, וואס וועט אנמאכן א שטורם אין דער וועלט פון גראנגעריי. — אויסגעפארשט ספעציעל פאר'ן גראגער פון דעם איטאליעניש־אידישען פורים־שפיעלער, זינגער, טענצער און־וואס־נים.

דאלפעניצאטא

„ווען איז דער גראגער ערפונדען גע־ווארען?"

אט דאס איז די פראגע מיט וועלכער די מענשהייט האלט זיך אין איין באשעפ־טיגען, און ס'איז אויסגעפאלען דער פו־רים'דיגער גורל אויף אונז, אז מיר זא־לען פון דער דאזיגער פראגע מאכען אוים פראגע.

און מיר זאגען:

דער גראגער איז ערפונדען געווארען אין איינעם פון יענע יאהרהונדערטער, וועלכע מיר זיינען ניט מחויב נאכצווז־כען, ווייל מיר האלטען אז די וועלט פון גראגעריי, טשייניק האקעריי, לינקע כלל טועריי און גראב יונגעריי — וועט סיי־ווי סיי אנערקענען און, אויף איהר שטיי־ער, אפשאצען אונזערע גוטע ארביים אויף דעם גראגערישען געביעט. און אויסער דעם, איז פאר דער גראגערישער וועלט לחלוטין ניט וויכטיג אזעלכע קלייניגקיי־טען ווי פאקטען. איינס איז פאר איהר א וויכטיג: האבען וואס מעהר מיט־גראגערער: וואס ווייניגער פאקטען און מען־ מעהר גענראגערט — אט דאס איז די מאטא פון אלע גראגערייען.

אלזא, מיר ווייסען שוין הייסט עס, אין וואס פאר א יאהר הונדערט דער גראגער איז ערפונדען געווארען...

איצטער וואלט זיך נאך געפאסט, מיר זאלען זיך אפשטעלען אויף דער גוואלדי־גער ראליע, וואס דיזער גוואלדיגער אינ־סטרומענט שפיעלט דער גוואלדיגער מוזיק.

די גוואלדיגע, אדער בעסער געזאגט, די גוואלד־מוזיק, באשטעהט פון דריי הויפט עלעמענטען, וועלכע מיר מוזיקער באצייכענען מיט די נעמען: „העפקער־פעטרעשקאנדא", „האמאארעצאטא און 'גראנאראנדא'". דער לעצטער עלעמענט איז דער וויכטיגסטער, ווייל אהן גראנא־ראנדא זיינען די ערשטע צוויי ניט מעהר ווי הפקרות און עם הארצות — עלעמענ־טען אזעלכע, וואס ניט נאר קענען זיי ניט געבען דעם טאן צו דער באריהמטער סימפאנישער פורים שפיעל מיט דעם נאר־פאקטען און מען „קאבלעפעל", נאר אפילו א פלייצע

אין מרחיץ, במחילה, וואלטען זיי ניט גע־קענט אפשפיעלען ווי סע געהער צו זיין, ווען זיי זאלען דערביי ניט ארייננעהמען א טייל פון דעם וויכטיגען גראנאראנדא־עלעמענט וואס דריקט זיך אוים אין דעם „אי גוט! „רייב מאטיע"! 'נאך!' 'אי גוט!'

די „סקייל" פון דער גראגערישער גוואלד־מוזיקצייכענט זיך אוים דערמיט, וואס עס איז אין איהר ניטא קיין אינ־טערוואלען. פון וויפיעל טענער זי בא־שטעהט, איז אומעגליך אויסצופארשען. אלעס וואס אונז איז יא געלונגען אויס־צופארשען איז — אז עס איז ניטא אין איקר ניט קיין ערשטער טאן, מיט אנדע־רע ווערטער: א מעשה אהן אן אנהויב און אהן א סוף.

וואס אנבעלאנגט דעם גראגער אליין, וועלען מיר באהאנדלען אין דער קומענ־דער אויסגאבע פון „מוזיקא סאקראמענ־טא דע לא גראגערא", ווייל מיר האבען שטארק מורא, אזאיוב מיר וועלען איהם היינט אין גאנצען אפהאנדלען, טא וואו וועלען די גראגערער באקומען זייער בא־ליעבסטען אינסטרומענט, צו גראגערען פע טיציעם דעם פרעזידענט ווילסאן און איי־ער אריין ווענען זייער גענגעריישקייט צו ארץ־ישראל און צו המנ'ס מפלה?

און צו וואס זאלען מיר אין גאנצען אפהאנדלען דעם גראגער, אין דער צייט ווען מענשען, דארפען איהם אזוי נויטיג האבען, אזוי נויטיג!...

משלוח מנות

ה. רויזענבלאט'ן — א באנקעטעל אלע אויף דער נאכט.

די סיטי עדיטארס פון „וועג" — ען ענגלישע עקסטרא יעדע שטונדע.

דעם רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין: — נאך א מנין מיטארבייטער ספעציעל פאר'ן „וועג" יעדען טאג.

אז ער קען, קען ער

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

פון משה נאדיר

..מאכט ער צו איהם: איהר ווילט עפעס זעהן א קונץ? זאגט ער „יא".

— איהר האט ביי זיך א גוט זייגע־רעל?

— יא.

— אני באווייזט.

— אט איז עס. א גאלדען זייגערל.

— וואס קאסט דאס זייגערל?

— דאס זייגערל?... דאס זייגערל האט מיך אמאל געקאסט נייניג דא־לאר.. ס'איז אן אימפארטירט זייגערל. פון דער שווייץ..

— גיט עס אהער.

נעהמט דער מאן און גיט איהם אוועק ס'זייגערל, נעהמט ער און פארקאשערט זיך די ארבעל און מאכט צו איהם:

— האלט'ס אן אויג!

האלט ער אן אויג.

נעהמט ער דאס זייגערל, מיט'ן קיי־טעלע, מיט אלעמען, הויבט עס אויף אין דער הויך און ווארפט עס אריין אין איסט־ריווער.

ווערט יענער א פארצאפעלטער:

— סטייטש! א גאלדען זייגערל! גע־קאסט איבער נייניג דאלאר! וואס האט ער געטאן?

— ש־שא! ש־שא! שרעקט זיך נישט מיסטער, קומט מיט מיר.

נעהען זיי ביידע אוועק אויף ריווינג־טאן סטריט. דער שווארץ קינסטלער דרעהט זיך די וואנצעס און שמייכעלט און דער יונגערמאן איז שווארץ ווי די ערד. סטייטש, נייניג דאלאר!

און דער שווארץ־קינסטלער זאגט דער־וויל גארנישט. נור ער קרייזעלט זיך די וואנצען.

אנגעקומען אויף ריווינגטאן סטריט קארנער סאפאלק, מאכט צו איהם דער שווארץ־קינסטלער:

— קומט אריין, איל'ן מיר עפעס עסען!

מאכט יענער:

— וואס טויג מיר עסען, וואס טויג מיר? מיר געהט שוין ניט איין קיין עסען...

— זייט ניט קיין בהמה!

— איך איז גרינג צו זאגען „זייט ניט קיין בהמה" — פון מיר טריפט ס'בלוט — פון מיר...

זאגט ער נאך אלץ גארניט — דער שווארץ־קינסטלער, נאר ער קרייזעלט זיך די וואנצעס און קוקט אזוי און קוקט אזוי אין פענסטער פון דעם רעסטאראן, וואו עס ליגען אויסגעלייגט אויף א טעלער אלערליי געקאכטע און געפרעגעלטע פיש, און ווי ער קוקט אזוי, גיט ער זיך מיט אמאל א כאפ ביים שטערן: „ב'האב עס!"...

און ער זאגט גאר גים וואס, נאר ער נעהמט דעם בחור וועלכער שטעהט נע־ביך ווי א דער'הרג'עטער און שלעפט איהם אריין אינוועניג — אין רעסטא־ראן.

אנגעקומען אינוועניג זעצט מען זיך אוועק ביי א טישעל און מ'וויל אראפ־נעהמען די היטלען, געהט צו דער באלע־באס פון פלאץ און מאכט:

— ביי אונז טאר מען ניט אראפ־נעהמען די היטלען — סיידען מע האט א יארמולקע. ביי אונז עסט מען אין די יארמולקעס. — ביי אונז איז א פריטיקלע פלאץ — ביי אונז..

ווערט דער שווארץ־קינסטלער ניט אי־בערראשט, נאר ער נעהמט ארויס פון בוזעם־קעשענע צוויי פיער־קאנטיגע יאר־מולקעך (זיידענע). נעהמט זיך איינס, גיט דעם בחור איינס, און מ'זיצט גלייך מיט אלע אידען..

רעדרוויל קומט צו דער קעלנער:

— וואס עט'ן עסען?

— מ'עט עסען פיש.

— שלייען צו קארפ — זיי האבען וועהר גוטע קארפ.

— ניין, שלייען. ער האט ליעב שלייען..

דאס רעדט אלץ מיט'ן קעלנער, דער שווארץ־קינסטלער. דער בחור, ביי ווע־מען מען האט צוגענומען דאס זייגערל פאר נייניג דאלאר, מישט זיך ניט אריין. ער האט זיך נעביך אין זינען זיינס, וואו ליגט איהם איצט אין זינען פיש?

און ווי ער זיצט אזוי פערטראכט, ברענגט דערוויל דער קעלנער צוטראגען אויף טעלערס צוויי פארציעס שלייען — איינע פאר דעם שווארץ־קינסטלער און איינע פאר דעם אנדערען. און ווי דער בחור נעהמט אזוי דאס מעסער און וויל אריינשניידען אין פיש, הויבט זיך מיט אמאל אויף דער שווארץ־קינסטלער און מאכט צו איהם מיט א שמייכעלע:

„סטאפ! שניידט נאך נישט: גיט מ י ר ס'מעסער!"

גיט ער איהם ס'מעסער. נעהמט דער שווארץ־קינסטלער זאגט עפעס א שפרוך, פארקאשערט די ארבעל און גיט א ריי שניט אין דעם פיש און דער בחור גיט א קוק — ניטא דאס זייגערל!!

— — — — — — — — —

פ. ס. ווארען, ס'עט איי א זיין דאס זייגערל, נאכדעם ווי מען האט עס אריין געווארפען אין איסט־ריווער?!

משלוח מנות

די דעטראיטער דראמאטישע קלאבס קלאבס — פוכאווע קישעלעך און כדי עס זאל זיך זיי שלאפען געשמאקער ווע־לען די קישעלעך זיין אויסגענעהט מיט רויטע מגן דוד'לעך.

י. ל. מאלאמוט'ן — א נייעם פסעוו־דאנים.

בן דניאל'ן — נאך א סאנדעי פייפער

אב. וויקטאהר'ן — א מעריצין פאר פראדוקטיוויטעט.

אסתר בעקערמאן — יהואש'ס ליע־דער.

אפרים סיימאן — יהואש'ס ווערטער־בוך.

ל. בערקאוויטש'ן — א כלה.

דוד שראגע'ן — דר. קויפמאן'ס קא־פעליוש.

די זעצערס פון „וועג" — נאך איין פיידוש כדי ס'זאל זיין פלאץ פאר דיא צעדרעהטע און פארגרייזטע שורות וואס בלייבען אויסען אויס מאנגעל אין פלאץ.

ס. בלאנק'ן — מאלאמוט'ס שטימע.

פ. מ. באצלער'ן — נאך א אידישען בית יתומים.

דעם וועג'ס מענטראפאוש — א מיליאן דאלאר, אבי ער זאל פארלאזען זיין 'דזשאב'.

דעם בית יתומים — עפעס א לייטי־שע מייטרען.

היברו האספיטאל אסס'ן — א ווע־געלע ציגעל פאר'ן אידישען שפיטאל.

רבי לעווין — אן עס־לעפעל ברמל.

רבי הירשמאן — א סאמעטענע יאר־מעלקע.

י. ר. לימאן'ען — נאך איין צייטונג.

לייער ליסס'ן — אן ארבע כנפות מיט כפול שמונה'דיגע ציצית.

פיפעלס רעליעף — א מאה שעהנע זאלונטירקעס.

סענטראל רעליעף — א מנין קאפ־לאן'ס.

מושב זקנים — גאלדענע חתונות.

לידים אייד סאסייעטי — א נייעם ווילסאן מיט גייט 14 שלום פונקטען.

דעם „וועג" — נאך א זעצער איבער־צוזעצען די קארעגירטע גרייזען.

דעטראיט איז פאר די לעצטע 25 יאהר אויסגעוואקסען, סאי אין שטח און סאי אין דער באפעלקערונג. אין פערלויף

פון די 25 יאהר האבען מיר אין דעטראיט אויסגעלייגט יעדען פוס פון אייזען באהן רעלס וואס די שטאטישע באאמטע האבען אונז נאר ערלויבט

און ווען די באאמטע האבען אונז מעהר ניט ערלויבט אין שטאט האבען מיר זיך געווענדעט צו די באאמטע פון אויסען שטאט און דורך זייער באפאלמעכטיגונג האבען מיר ארויסגעצויגען אזוי פיל רעלסען אויסער שטאט, וויפיעל מיר האבען נאר געקענט.

איצט האבען זיך די שטאטישע גרענעצען אזוי אויסגעברייטערט, אז זיי שליסען אויך איין אין זיך די פיעלע מיילען וואס זענען פון אויסען שטאט.

מעהר ווי א העלפט פון דעם איצטיגער דעטראיטער באפעלקערונג און א העלפט פון דעטראיטער אינדוסטריעס געפינען זיך יעצט אין דעם שטח פון אונזערע ליניעס און זיי באנוצען זיך מיט אונזערע ליניעס וואס זענען אויסגעבויט געווארען מיט דער באפאלמעכטיגונג פון די דרויסענדיגע אויטאריטעטען.

דורך די דאזיגע 25 יאהר צייט איז די פרייז פון קאר פעיר געווען פיעל קלענער ווי די קא. האט געהאט א רעכט צו רעכענען, און אמווינציגסטענס מיט 20 פראצ. ביליגער ווי עס רעכענען קאר קאמפאניעס אין אנדערע אמעריקאנער שטעדט. פון דעם איבענערמאנטען פאקט איז קלאהר, אז די דעטראיטער קאר קא. האט קיינמאל ניט עקספלאטירט דאס פובליקום דורך רעכענען צופיעל.

די סטאקהאלדערס פון דער קא. האבען פון זייערע רעוועניוס געמאכט א סייווינגס באנק. אלע געלדער וואס די קאמפאני האט ערהאלטען פון פאדקיפטע סעקיורי טיס פונקט ווי פון דער איבערפיום פראפיטען, ארונטערעכענענדיג די דיווידענטען וואס זענען ווינציגער ווי א באנק וואלט געצאהלט פאר דעם געלט, זענען פארברויכט געווארען, אויף צו ענטוויקלען דאס אייגענטום, וואס איז זיך צואוואקסען דורך די 25 יאהר פון קנאפע 100 מייל ביז 1000 מייל.

אונטערזוכונגען פון די פאבליק אטאריטיס, — שטאטס און נאציאנאלע — אז די ריינע פיזישע ווערטהען פון דער קאמפאני זענען פיעל גרעסער ווי איהרע פארפליכטונגען.

אויב אלזא מיר האבען ניט עקספלאטירט דאס פובליקום וואס פאהרט אויף די ליניעס און אויך ניט די אינוועסטארס און מיר האבען אויסגעבויט אזוי פיעל ליניעס וויפיעל מען האט אונז ערלויבט, פרעגט זיך די פראגע:

ווער אלזא אין און אויסער דעטראיט קען זיך באקלאגען אויף דער קאר קא.?

דורך דער בעריאדע פון דער וועלט־מלחמה זענען מיר געווען שטארק געשלאגען ווייל מיר האבען ניט געקענט ענטוויקלען אונזער פלענט.

ניט בלויז דערפאר ווייל מיר האבען ניט געהאט גענוג מענשען, נאר אויך דערפאר ווייל מען האט אונז פארבאטען צו בויען, מען האט ניט געקענט געברויכען קיין געהילץ, א. ז. וו. אויך ניט דערפאר ווייל עס האבען געדארפט דורכגעהן וואהלען פאר מוניציפאלעם אייגענטום.

אין דעם איבענדערמאנטען פעריאד האבען מיר אויסגעגעבען מעהר ווי צוועלף מיליאן דאלאר. זעקס און דריי פערטעל איז אויסגעגעבען געווארען אויף צו פיקסען אויף ניך אזוי פיעל ליניעס ווי נאר מעגליך.

נאך די וואהלען האבען מיר פארשטאנען, אז דאס פובליקום וויל ניט קיין מוניציפאלעם אייגענטום נאר אז מיר זאלען פארזעצען אונזער ארבייט און מיט איהר געגנד וועלכע אונטערשטיצונג פון די שטאטישע אטאריטיס וואלטען אונזערע אויסגאבען געווען געקענט זיין צוויי מאל אזוי גרויס.

עס איז דעריבער גאר ניט שעהן פון די אטאריטיס וועלכע האבען אויך געטאן אלעס מעגליכעס און ניט געגעבען אונז קיין געלעגענהייט צו פארבעסערען אונזער סיסטעם. צו קומען אצינד און באקלאגען זיך אז מיר גיבען ניט קיין סורוויס און דאריבער אטאקירען זיי אונז.

דעם 7־טען אפריל 1919 האט דעטראיט ווידער נידערגעשטימט דעם פארשלאג ווע־גען דעם אז די שטאט זאל איבערנעהמען אונזערע ליניעס, און גלייך נאכדעם האבען מיר געמאכט גרויסע באשטעלונגען אויף בוי־מאטעריאלען מיר האבען זיך געגרייט בויען אין אונזערע היילאנד פארק שעפער און יעדען טאג זענען פארטיג געווארען נייע קארס. חוץ דעם מאכען מיר אויך באשטעלונגען און מאכט פאר אונז נייע קארס אויסער שטאט, און עס קאסט אונז מעהר ווי א מיליאן דאלאר.

דאס טוען מיר אליין מיט אונזער גוטען ווילען ווייל מיר פאלגען נאך אונזער פאליסי צו טאן אלעס מעגליכעס צו דיענען דער שטאט דעטראיט, ניט קוקענדיג דערויף אויב די שטאטישע אטאריטים זעהען איין די גוטע זייט דערפון אדער ניט, ווי אין דער פארגאנגענהייט.

מיר זענען געווען אימשטאנד ביי־צוטראגען צו דער ענטוויקלונג און דעם וואוקס פון דעטראיט, כאטש מען האט אונז געשטערט און מיר וואלטען מיט צופרידענהייט געטאן נאך מעהר, ווען מען זאל אונז נאר ערלויבען.

דיזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט פון דער

Detroit United Railway

נ. ב. — ערווארטעט די מעפ וואס וועט זיין געדרוקט אין וועג קומענדען דאנערשטאג.

21 יאהר
אין די זעלבע פיגעס

אונזער ווארשאווער
אפיס צו אייער
דיענסט

שיקט געלט

דורך מייל ארער-קייבעל
צו אייערע פריינד און קרובים
אין פוילען און גאליציען דורך
דער עלטער בענקינג פירמא

גאלדמאן בראס.

ד געלט ווערט איסגעצאהלט
אונטער דער פערזענליכער
אויפזיכט פון אונזער שותף, רוד
גאלדמאן, וואס געפינט זיך
איצט אין ווארשאו

Goldman Bros
393 Hastings St.
Detroit. Mich.

ווארשאווער אפיס
Przejazd No. 5
Warsaw, Poland

נאטיס

צו אלע דעטראיטער אידען פון

ה. מ' קויפמאן

— פון דער —

דעטראיט קאנקריט רעסעפטיקאל קא.

אלע קאנקריט אש און גארבעדז ש קענס האבען געשטיגען אין פרייז פון 1-טען מארטש פון 3 ביז 5 דאלאר נאר איך קען אייך נאך געבען די אלטע פרייז בלויז ביזן

דעם 5טען מארטש

איהר מוזט האבען א רעסעפטיקאל. עס וועט אייך גארניט העלפען.

טעלעפאנירט מיר: מעלראוז 3595-דאבעליו ארער טשערי 1472, אדרעס 296 הענקאק עוועניו

סיום הספר

ביי ד' חברה פוירסט היברו קאנגרעגיישאן און דעלאריי

ווערטע פריינדע איהר זענט איינגעלאדען אנטייל צו נעהמען אין דער גרויסער שמחה וועלכע וועט נפייערט ווערען

יום א' פ' ויקהל דעם 7-טען מארטש, שעה 3, אין פענסולאר האל 2227 וועסט דזשעפערסאן עוו.

אייסער אנדערע רעדנער וועלען אדרעסירען פאלגענדע רבנים

הרב הגאון ר' יוסף תאומים מדעטראיט

הרב הגאון ר' משה יהודה פישער, משיקאגא

רעווערענד אברהם רובינשטיין

אויך א גרויסארטיגער סאפער וועט שטא טפינרען. איהר וועט געניסען גרוים פארגעניגען.

קומט און ברענגט מיט אייערע פריינדע.

זונטאג אווענד מארטש דעם 7טען

דער לאנג ערווארטעטער גרעסטער קאנצערט פון יאר, געשפיעלט פון דעם פעטראגראדער מוזיק אנסאמבל

זמרה

אין די ארענא גארדענס

וואודווארד און הענדרי

עס איז צוגעגרייט געווארען א וואונדערבארע פראגראם פון די שעהנסטע חסידישע און פאלקס - ליעדער, אויך קלאסישע מוזיק, וועלכע זיינען נאך פון קיינעם ניט געשפיעלט געווארען אויף אזא קינסטלערישען אופן.

טיקעטס פון 75 ל. ביז 3 דאלאר
צו באקומען:
אין גארדאן'ס בוך סטאר, 541 הייסטינגס,
אוטישעק'ס בוך סטאר 455 הייסטינגס,
גאלדמאן בראס.
גרינעל בראס.
קיפער'ס פארמאסי, וועסטמינסטער, קאר. ברוקלין
גאלדמאנ'ס פארמאסי, וועסטמינסטער קאר. העלמאר.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארעס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט. געשוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיענעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, און עקספערזשענדשעט

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 776

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמעריקאנער דאלארס.

קעדילאק 2061

UNIVERSAL LAND Contract Co.

928 Chamber of Commerce Bldg,

מר קויפען און קעשען

לענד קאנטראקטס

קעש אין 24 שטונדען

Der Weg

...ט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: טעין 3715

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

די סכנה וואס האט געדראהעט די אידען פון המן'ס פלאן

פון ב. י. ג—ן

אט דיעזע געשעהעניש, וואס מיר האבען געכטען איבערדערצעהלט פון מגילה אסתר האט צווישען דעם פאלק דערמאהנט ווערען אין די פייערונג פון דעם נס דאס געפראוועט ווערען מיט שמחה אלס יום טוב.

עס איז נישט גענוג וואס דיעזע געשעהעניש איז פארשריבען געווארען לזכר, זי מוז טאקע אין'ם לעבען דערמאהנט ווערען אום זי זאל נישט פארגעסען ווערען פון די מאסען, פון דעם גאנצען פאלק מענער, פרויען און קינדער.

ווערט א זאך, א פאסירונג אין בוך פארשריבען, ווערט דאס טאקע נישט פארגעסען, אבער עס ווייסען דאס בלויז די געלעהרטע, די וואס שטודירען געשיכטע. די געשעהעניש וואס איך האב אינם געכטיגען ארטיקעל געשריבען, האט אבער געמוזט פארש טאנען ווערען פון דעם גאנצען פאלק, פון די עלטערע אזוי גוט אויך פון די יונגע, פון די קינדער.

און דערום טאקע, ווייל אויך די קינדער דארפען מיט דיעזע געשעהעניש באקאנט ווערען, דערום האט מען אונז פאהזאגט אז די פאסירונג פון פורים דארף מיט א יום טוב געפייערט ווערען, נישט אפקומען מיט א טרוקענער ערמאנערונג, נאר הויך און איינדרוקספולען יום טוב.

און אט פאר וואס:

די גאנצע זינד פון דעם אידישען פאלק איז יענע צייט באשטאנען אין המן'ס באשולדיגונג. ער האט קלאהר מודיע געווען: "ישנו עם אחד.. מפוזר ומפורד".

דרינגען טאקע אונזערע חכמים אז "ישנו" מיינט נישט דוקא 'עס איז פאראן" נאר ס'קומט פון דעם שורש "ישנה" — שלאף. דאס אידישע פאלק איז דעמאלט איינגעדרעמעלט געווארען. עס האט פארגעסען זיך און זיינע טראדיציעס, און זיינע לעהרער און לעהרעס, און זיינע הייליגקייטען און פרינציפען.

"עם מפוזר ומפורד": — א פאלק וואס איז צעטיילט געווארען אויף פארשידענע כתות, אויף פארשידענע פארטייען, חברות, ארגאניזאציעס, קאנגרעגיישאנס און אויף פארשידענע פארבאנדען.

דעמאלט איז עס געווען פאר המן'ען גאנץ לייכט זיין המן'שען פלאן דורכצופיהרען.

און אין דעם בלויז איז די סכנה געווען.

אין דער צייט ווען דאס אידישע פאלק איז צעריסען אויף טויזענדער חלקים, איז עס פאר המן'ען געווען די געלינגענסטע צייט זיין אכזריות אויסצופיהרען און פארטיליגען דאס אידישע פאלק, וועלכעס איז, אמת, זאגענדיג, אין יענער צייט קיין פאלק נישט געווען.

עס איז אט לייכטען א פאלק אומצוברענגען, ווען עס איז צעריסען צווישען זיך. די כחות פון א פאלק מוזען פאראייניגט זיין. עס מוז הערשען אן אינערליכע איינהייט צווישען די פארשידענע טיילען און לאגערן. אזוי ווי דיזע איינהייט פארשווינדט, ווערט דאס פאלק אונטערטעניג זיך צו שטעלען געגען אירגענד וועלכען אנגריף וואס קומט פון א דרויסענדיגען שונא.

המן האט גוט געוואוסט אז באם יעדער איד איז פון כלל אויסגעריסען, קען ער דעמאלט מיט'ן כלל טאן וואס ער וויל און עס וועט נישט זיין נישט קיין קלענער און נישט קיין ריכטער.

און אט אין דעם באשטעהט דאס רשעות פון המן'ען.

אלע אונזערע שונאים האבען נישט איין מאל ארויסגעזאגט זייער קרעדא, אז זיי וואלטען בעלנים געווען פטור צו ווערען פון אונז. נישט איין המן האט שוין געוואלט אויסרייסען דעם אידישען בוים, מיט'ן ווארצעל.

קיין איינער אבער פון די אלע המן'ס האט די פאסיגע צייט נישט אויסגענוצט.

אליין ווי די המן'ס האבען אפשר די שוואכע, די אומגליקליכע צייט פונ'ם אידישען פאלק אויסגעמיעדען אום נישט צו פארטיליגען דעם זכר פון דער אידישער אומה.

המן איז דער ערשטער געווען.

אט דאס איז געווען די סכנה.

האט טאקע דערום אסתר באלד געגעבען א באפעהל: "לך כנוס את כל היהודים!" געהט זאמעלט מיר צונויף דאס ג א נ צ ע' פאלק!

אט דאס איז דער נס געווען.

א נס וואס אסתר האט די לאגע פארשטאנען און א נס וואס עס איז געלונגען די צוריסענע כחות פון דעם אידישען פאלק צו איין פלאן, צו איין איינהאבע און שטרעבונג צונויפצוזאמלען.

אסתר האט מאמענטאל פארשטאנען, אז באם דאס אידישע פאלק וועט זיך נים פאראייניגען פאלד אין איין גאנצעס, דאן איז די סכנה גרויס און אפשר נים פארמיידליך.

מוז דערום דיעזער נס נישט בלייבען בלויז פארצייכענט אין א בוך, עס מוז אין יעדען דור גוט פארשטאנען ווערען די געפאהר וואס האט אין יענער אוראלטער צייט געשוועבט איבער אונז און אויך די אורזאכע וואר'ום די געפאהר איז געווען אזוי גרויס, טאר נישט אויסגעלאזט ווערען פון געדאנק.

צו דיעזען צוועק האט מען געמוזט די פאסירונג דורך א יום טוב און אן איינדרוקספולען יום טוב פייערען אזוי, אז עס זאל לזכרון בלייבען סיי פאר די ברייטע מאסען, אזוי גוט ווי פאר די קינדער.

עס זאל בלייבען לזכרון עולם, אז יעדער אומגליק און יעדער סכנה קען נאר דעמאלט דראהען צו פארניכטען דאס אידישע פאלק, ווען עס איז מפוזר ומפורד — צעריסען און צעפליקט אויף חלקים און חלקים'לעך און האט נישט קיין שום איינהייטליכען באנד צווישען זיך.

המן פארטיידיגט אידען

שעהנע, גליקליכע קינדער יאהרען, גאלדענע טעג פון דער קינדהייט, און שוים פון דער צארטער, רייגער קינדהייט איז דאס גראהע, אלטעגליכע לעבען א וואונדערבארער חלום, יעדער טאג — א אויסגע'כשופ'טער שפיעל, יעדעס אומעטיגע, ברודיגע וואלקענדעל — א פאנטאסטישע שיף ארער א פאלאץ און יעדער רינשטאק — א קוואל פון פרייד און באגייסטערונג.

אין דעם גאלדענעם לאנד פון דער קינדהייט ווייסט מען נישט די נארישע אמת'ן פון די גרויסע, אויסגעוואקסענע חכמים. אונבאקאנט זיינען דארט די פאראורטיילען פון דער טיעפזיניגער, פליכטוואטער דערוואקסענקייט, און אפילו א המן, א צורר, קען אין די ארעמס פון דער קינדהייט זיך פארוואנדלען אין דער גוטסקייט און ליעבליכקייט אליין.

אז המן זאל פארטיידיגען אידען, זיי ליבען אין הימעל אריין און אריינגעהן אין דער גרעסטער התפעלות פאר דער אידישע גרויסקייט — קען פאסירען בלויז אין דער אויסגע'חלום'טער, כישופדיגער וועלט פון דער קינדהייט.

עס איז געווען אין יענע יאהרען, ווען דאס הארץ איז נאך געווען ריין ווי א מלאכ'ישער פליגעל, די אויגען קלאהר ווי דער פלאקער פון א בליץ און דער מח ריין פון שלעכטעמחשבות. איך בין נאך דאן געווען א בירגער פון דער קינדער-וועלט, פול באדעכטיגט צו אלע פאנטאזיעס, אונמעגליכקייטען און לייכטזיניגקייטען.

עס איז געקומען דער ליעבער, פרעהליכער פורים, וועלכער ווערט פון קליינווארג דערווארט מיט אזוי פיעל שפאנונג און באגייסטערונג. דער יום טוב, ווען מיר די מיטגליעדער פון דערקורי'זהויזעלדיגער געזעלשאפט, מעגען פריי גראגערען, טומלען, פילדערען, זיך מאסקירען און זיך ערלויבען פארשיעדענע פרייהייטען און דערהויפט — נאשען.

דאס שטעדטעל האט זיך געטוליעט צווישען ווייסען אוועקגעהענדען ווינט און גרינעם פריהלינג, וואס נעהמט פורים

(אן ערציילונג פון די קינדער יאהרען)
(ספעציעל פאר'ן "וועג")
פון הרואה ואינו נראה

צייט קלאפען אין דער ט'ה, עס איז געווען אזוי שעהן, אזוי מחי'דיג גוט און די יונגע נשמה'לעך האבען געצווינגען, גע צווינגען.

— קינדער! — האב איך אויסגערופען צו מיינע חברים, — מיר וועלען מאכען אן אחשורוש-"שפיעל"!

אויגעלען האבען זיך ברייט צעעפענט, זיך פאנאנדערגעגליהט מיט טיעפער פרייד און גליק, און זילבערנע שטימעלעך האבען זיך איבער'ן שטעדטעל צוקלונגען:

— אחשורוש-שפיעל! פורים-שפיעל! הורא!

ווער א גראשען, ווער א צווייער און ווער א גאנצען זעקסער. קינדישע אימפעריאלען האבען זיך פון אלע זייטען געשאטען פאר דעם גרויסען צוועק — פאר דעם פורים-פארשטעלונג, וואס מיר געהן מאכען.

די נויטיגע מאסקעס געקויפט, די נויטיגע קליידער געקראגען, גוט איז דעם טאטעס קאפאטע אויסגעצייכענט איז דער מאמעס בלוזקע און פאפירענע קאסקעס, קרוינען און הילצערנע שווערדען האבען מיר אליין פאבריצירט.

די ראלען זיינען איינגעטיילט געווארען: דו, יאסעלע, וועסט זיין אחשורוש, דו פייוועלע — מרדכי; דו בערעלע — ושתי; דו מישה'לע — אסתר או דו, שמעלקעלע — המן.

— המן?

— יא, המן.

שמעלקע איז רויט געווארען, בלאס געווארען, די אויגלאך פארזשמורעט און מיט'ן פיסעלע א טופ געטאן.

— ניין, כ'וויל נישט זיין קיין המן!

— ווער וויל זיין המן?

קיינער האט זיך ניט אפגערופען. דער געדאנק צו זיין המן, אט דער צורר, וואס האט געוואלט אלע אידען פארטיליגען, איז צו שרעקליך געווען פאר יעדען פון אונזער קליינווארג, א סקרוך איז אזש אריבער איבער'ן לייב, ווען מ'האט בלויז דערמאהנט דעם נאמען.

ניישטא קיין המן. דעפוטאציעס זיינען אוועק צו וועלוועל שמיער'ס זיהנדעל, ר"ד ל'; צו ארי שוסטער'ס בן יחיד'ל' 'נצער'ל, צו האצקעל וואסערטרעגער'ס די אייגען, א טיעפע חרטה, וואס איך בין

ן'אקעל, לייבוש'ל, אבער אלע האבען ... פאראכטונג זיך אפגעזאגט צו שפילען המנ'ען און צו ריידען שלעכטס אויף אידען.

שלעכטס. וואס טוט מען אהן המנ'ען? גאן אהן דעם פערסישען פרעמיער, וועלכער איז כמעט די וויכטיגסטע ראליע אין דער פורים פארשטעלונג, איז די שפיעל קיין שפיעל נישט.

די אחשורוש-שפיעל האט געהאלטען ביים בטול ווערען. נישטא קיין המן — נישטא קיין פורים-דיגע פארשטעלונג.

ס'הארץ האט מיר אזש וועה געטאן, אפשר אלע קינדער, אבער מיר, דעם מאכער פון דער גאנצער שפילעריי — מעהר פון אלעמען. איך האב זיך געראנגעלט מיט'ן יצר הרע, שווער מיט איהם מלחמה געהאלטען און ענדליך, האט ער מיך באזיעגט און מיט א געבראכענער שטימע האב איך ארויסגערעדט:

איך וועל זיין המן!

אלע קינדער האבען אויף מיר א קוק געטאן און מיר האט זיך געראבט, אז זיי קוקען אויף מיר מיט פאראכטונג פאר אונטערנעהמען זיך צו ריידען שלעכטס אויף אידען... אבער צופרידען זיינען פונדעסטוועגען אלע געווען, וואס מיר וועלען דאך האבען א שפיעל.

עס איז געווען ביים שטאדט-גביר אין הויז, ביי א ווייס-געדעקטען טיש, סעדווירט מכל טוב איז געזעסען די גאנצע פאמיליע און זיך משמח געווען, מיר, די חברה פורים-שפילער האט זיך א לאז אריין געטאן און מיר זיינען אויפגענומען געווארען, ווי ליעבע געסט.

צוערשט איז אויפגעטראטען אחשורוש מיט קרוין און שווערד און זיך ברייטליך ווי א אמת'ער קעניג, וואקענדזעצט אויף דעם טראהן.

אחשורוש האט אויסגעשטרעקט צו מיר — המן'ען הייסט עס — דעם סצעפטער און ארויסגעזונגען:

המן, המן
מיניסטער דו מיין
טרעט צו צו מיר,
צו דעם קעניג דיין,
און הויב אן צו שפרעכען.
אהער אהער!
און זאל גלייך געשעהען
דיין יעדער באגעהר!

מיר האט אנגעהויבען שווינדלען פאר די אויגען, א טיעפע חרטה, וואס איך בין

א המן, א רשע, א צורר, האט מיך גענומען ...טע ען און פייניגען, און דא האט איך באלד ארויסטרעטען פאר אחשורוש'ען און מיט מיין איינען מויל ריידען שלעכטס אויף אידען, בעטענדיג אז מען זאל „פארטיליגען" און פארניכטען אלע אידעלעך פון גרוים ביז קליין".

די צונג האט מיר געבריהט, אין הארץ האט זיך ווי עפעס אפגעריסען, אחשורוש דער טיפש, האט אויף מיר געגלאצט די אויגען און מיר נאכגעמאכט און נאכאמאל באפוילען, אז איך זאל ארוים מיט לשון.

איך וויים גישט וואס מיט מיר איז פארגעקומען. זיך האט מיך ווי א רים געטאן פון ארט, איך בין צוגעפאלען צו אחשורוש'ען או מיט איינמאל א זונג געטאן,

אדוני קעניג
איך בעט דיך אונטערטעניג
דו זאלסט מיינע אידען
לאזען צופרידען:
זיי זיינען נישט שולדיג,
עס שיצט זיי גאט'ס האנט,
זיי זיינען די טרייסטע
קינדער פון לאנד.

אט אזוי האב איך אפגעזונגען דעם גאנצען מאנאלאג וואס מרדכי האט געדארפט זינגען, מרדכי איז אריין אין רציחה און וואלט מיך זיכער גע'ממית'ט ווען מען רייסט איהם נים אוועק פון מיר.

דער שטאט-גביר האט זיך פשוט געקייקעלט פון געלעכטער און מיר קנייפענדיג אין בעקעל, געמורמעלט:

— א פיינער המן! א וואוילער המן! הלואי זאלען מיר קיינמאל קיין ערגערע המן'ס נים האבען!

אבער איך בין שוין מעהר קיין המן נים געווען...

וועלט איהר סיווען.

30 פראצ. ?

ביים קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ...אנס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס

— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז אישטאאשאט אאאש דא גוססלהמסלל

קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

MAZOLA

אין דער פריהמסטער הויז קענט איהר געברויכען מאזאלא — עס איז כשר און פארעווע.

פאר מילכיגע געבעקס אזוי גוט ווי פאר פליישיגע געקעכטס קענט איהר געברויכען מאזאלא, און די פריהמסטע אידען קענען עסען ביידע זאכען צוזאמען.

מאזאלא איז ניט נאר אזוי גוט ווי פוטער און בעסער ווי אליוו־אויל — עס קאסט א העלפט די געלד דערפון.

צו באקען, פרייען, קאכען און פאר סאלאדס געברויכט מאזאלא, די ריינע אויל פון גאלדען קארן.

פרעגט אייער שכנטע וועלכע געברויכט מאזאלא.

Corn Products Refining Co.
17 Battery Place New York

מצות נאך איראפא!

שיקט מצה

צו אייערע עלטערן, קרובים און פריינד אויף יענער זייט ים. 6 יאהר צייט האבען זיי ניט געהאט קיין מצה צו די סדרים. דאי יאהר אבער קענט איהר זיי פארזארגען מיט די בארימטע

ר' מאיר לאנדאן'ס מצות

די מצה וואס האט צו זיך קיין גלייכען — 50 יאהר די בעסטע; ציהעט דיעזען הייליגען צוועק פאקען מיר אונזערע מצה אין —

עלף פונטיגע פעקעדזשעס

לויט די פאדערונגען פון פאסט אפיס אזוי אז איהר זאלט זיי קענען שיקען מיט זיכערהייט נאך איראפא. פעקעדזשעס זיינען פארטיג צו שיקען. די באקסעס זיינען ספעציעל געמאכט פאר דיזען הייליגען צוועק. דער פאסט אפיס וועט דאס פאר אייך דעליווערען. ארדערט גלייך! די צייט איז קורץ. אייך דערטאיטער אידען האבען היינטיגס יאהר די געלעגענהייט צו עסען די בעסטע מצה.

ר' מאיר לאנדאן'ס מצה

מצה, מעהל, קייק מעהל און פארפעל. — גראסערי לויט מאכט אייערע ארדערס בעציייטענס; ווענדעט זיך צו אונזער אגענט — די

O. K. Grocery

361 Winder Cor. Rivard   Cherry 6203

פערלאנגט בלויז מאיר לאנדאן'ס מצות פון אייער גראסער
די בעסטע אין געשמאק אין כשרות — די בילינגסטע אין פרייז

קאונטרי ארדערס פינקטליך אבענדעט

ירושלים לאזט הערען איהר שטימע

ב'ה יום ג' ה אדר שנת פ'ר'ת

מיר מאכען באקאנט צו די מנדבים פון די אלע אינסטיטושאנס פון ירושלים און ארץ ישראל, וועלכע האבען די חזקה פון תקנות קדמונים צו האבען דעם זכות פון באקסעס אין די אידישע הייזער, פאר די נדבות אנצוהאלטען דאס לעבען פון די הונגעריגע אין ירושלים און פיר די אויפהאלטונג פון די ירושלים'ער אינסטיטושאנס געמליך:

ר' מאיר בעל הנס, ישיבת עץ חיים בקו'ח האספיטאל און בית יתומים דיסקין

זין אזוי ווי יעדער פון די גענאנטע אינסטיטושאנס האט זיך גענומען די אויפגאבע צו פארשטארקערען און פארגרעסערען די צאהל פון זייערע באקסעס, און די זכנסה פון זייערע אינסטיטושאנס, צוליעב די גרויסע פארדעונגען פון זייערע באדערפניסע. די פארטרעטערס משולחים פון רמבה"נ און ישיבת ע'ה ת'ת וב'ח האספיטאל זיינען היער יעצט פאר דיעזען צוועק. איז נאך איין באראטונג פון איין מיטינג באשלאסען געווארען דאס פיר דיעזען מאל זאלען ביידע משולחים מר. זאלין, דער משולח פון רמב"ן און הר' ריכטער משולח פון ישיבת ע"ח האספיטאל, צוזאמען געהן קאלעקטען די געלדער פון די באקסעס און מקבל זיין נדבות פאר די זאגענאנטע אינסטיטושאנס, און זאלען אויך קאלעקטען די געלדער פון די בית יתומים באקסעס. אנשטאט וואס ביז יעצט איז אלעס געקאלעקטעד געווארען דורך איין משולח. די געלדער וועלען זיי איבערגעבען צום טרעזשורער הגבאי ר' אבא קיהאן. געלד מוז געשיקט ווערען נאך ירושלים בעפאר פסח הבע'לט דער יקרות איז דארט יעצט גרוים, און די הצטרכות איז אונגעהייער שטארק. מנדבים נכבדים טרייעט צו פארגרעסערען אייערע נדבות אום צו משמח זיין די ארימע פאר דעם הייליגען יו'ט אין דער הייליגער שטאט ירושלים ובזכות זה תזכו לראות בבנין ציון וירושלים.

נאום יהודה ליב לעווין,
הרב דאגדת הקהלה דפה
נאום אברהם משה הרשמאן
נאום יחזקאל איישישקין, רב בדעטראיט
נאום יוסף הלוי אייזענמאן, רב בדעטרויט
נאום אבא אליעזר בר חיים קיידן
נאום נתן אפענהיים

MAR 9 1920

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג
The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

547-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Friday, March 5th 1920 Vol. 2, No 20 [redacted] פרייטאג, מארטש 5, 1920

באלשעוויקעס באריכטען וועגען שלום פארהאנדלונגען מיט יאפאן

פוילענ'ס פאדערונגען זענען רויבערישע

לאנדאן, מארטש 4. — א דראטלאזע טעלעגראמע פון מאסקווא גיט איבער, דאס די אירקוטסקער פארשטעהער פון סאוועטען קאמיסאריאט איבער אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען, זענען אינסטרואירט געווארען איבערצוגעבען די באלשעוויסטישע שלום־באדינגונגען צו דער יאפאנעזער הויפט קוואטיר אין אירקוטסק און דאס זיי זאלען זיך פארשטענדיגען מיט דער יאפאנעזער רעגיערונג בנוגע דער צייט און פלאץ פאר די פארהאנדלונגען.

לענין זאגט פוילענ'ס פאדערונגען זענען אומגעלומפערטע

א צווייטע דראטלאזע דעפעש פון מאסקווא באריכטעט, דאס פוילענס פארגעשלאגענע שלום באדינגונגען ווערען דא באטראכט אלס אומגעלומפערטע. די דעפעש גיט איבער, אז לענין האט אין א רעדע ביי דעם קאזאקען־קאנגרעס געזאגט פאלגענדעס:

„אויב פוילען וועט אויף אונז אנפאלען און אריינדרינגען אין אונזער לאנד, וועלען מיר איהר געבען אזא קלאפ, וועלכען זי וועט ניט פארגעסען. די פוילישע שליאכטע און איהרע קאפיטאליסטען פאדערען שטיקער לאנד, וועלכע האבען זיך ניט געפונען אפילו אין איהרע גרעניצען אין יאהר 1772 (די ערשטע צוטיילונג פון פוילען דורך רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך).

פראנקרייך שטיצט אונטער פוילישע פאדערונגען

דזשאהדזש לאנדסבורי, געוועזענער מיטגליעדער פון ענגלישען פארלאמענט און איצטיגער רעדאקטאר פון דער לאנדאנ'ער „העראלד" טעלעגראפירט פון מאסקווא, דאס פוילענס באדינגונגען קענען ניט ווערען אנגענומען.

„דיזע פאדערונגען באשטעהען אין דעם — זאגט לענדסבורי — אז פוילען זאל באקומען א גרויסען שטח טעריטאריע פון דער אומאפהענגיגער ליטא און גרויסע שטיקער לאנד, וואס באלאנגט ניט נאר צו דער סאוועטען רעגיערונג, נור אויך צו אנדערע פעלקער, וועלכע גרעניצען זיך מיט פוילען. נאכמעהר, פוילען פאדערט א פראטעקטאראט איבער אלע קליינע פעלקער, וועלכע האבען באוואוינט דאס געוועזענע רוסלאנד".

מר. לענדסבורי גיט צו, דאס ענגלאנד איז געגען דיזע פאדערונגען, וועלכע זענען, ווי מ'דענקט, אויסגעארבייט געווארען אין פראנצויזישען אויסערן מיניסטעריום.

קאווקאזישע רעפובליקען ווילען שלום מיט סאוועטען

די „העראלד" מעלדעט, דאס זי האט ערפאהרען, אז די גריגארישע און אזערבאגישע רעפובליקען וועלען אנפאנגען דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען מיט די באלשעוויקעס וועגען א פערמאנענטען שלום.

באלשעוויקעס פארכאפען אלע ענגלישע זאפאסען אין ארכאנגעלסק

לאנדאן, מארטש 3. — רוסלאנד שטעהט ווידער אויף דעם טאגעס־ארדנונג אין דער פאליטישער וועלט. וינסטאן טשוירטשיל האט היינט אין פארלאמענט צוגעגעבען, דאס ענגלאנד האט נאך אלע אן ארמיי אין דרום רוסלאנד. דיזע ארמיי באשטעהט פון 394 אפיציערען און 1,529 סאלדאטען. ניט קוקענדיג אויף מר. טשוירטשיל'ס אונצופרידענהייט צו דיסקוסירען די רוסישע לאגע, האט איהם דאך דער פארלאמענט געצוואונגען אויסצוזאגען, דאס די באלשעוויקעס האבען פארכאפט אין ארכאנגעלסק אלע ענגלישע זאפאסען.

אמעריקאנער רעגיערונג אויפגעפאדערט ארונטערצונעהמען די רוסישע בלאקאדע

וואשינגטאן, מארטש 4. — א קאמיטע, וועלכע רעפרעזענטירט אמעריקאנער קאמערציעלע קרייזען, האט נעכטען אויפגעפאדערט דעם סטייט דעפארטמענט, דאס די בלאקאדע געגען רוסישען האנדעל זאל ארונטערגענומען ווערען, און אז מ'זאל ערלויבען א דעלעגאציע פון געשעפטסלייט צו פאהרען קיין רוסלאנד אום אויסצופארשען די דארטיגע עקאנאמישע און אינדוסטריעלע באדינגונגען.

דער מעמאראנדום, וואס זיי האבען פארעפענטליכט, בעט ספעציעל, דאס די רעגיערונג זאל ערלויבען עקספארט און אימפארט צווישען אמעריקא און באלשעוויסטישען רוסלאנד, אונבאגרענצטע פארקעהר דורך פאסט, טעלעגראף (דראטען און דראטלאזע). און דאס גאראנטירען פון דער רעגיערונג, אז די רוסישע פאנדען געשיקט אין אמעריקא פאר קאמערציעלען קרעדיט וועלען ניט קאנפיסקירט ווערען.

העכסטער ראט דיסקוסירט אנערקענונג פון סאוועטען

לאנדאן, מארטש 4. — אין די קרייזען פון דעם העכסטען ראט (די פרעמיערען קאנפערענץ) ווערט אפיציעל איבערגעגעבען, אז דאס אנערקענען פון די סאוועטען רעגירונג איז דיסקוטירט געווארען אין פארלויף פון דעם ראט'ס באטראכטען די עקאנאמישע און פינאנציעלע פראבלעמען, אבער קיין באשטימטען שלום איז ניט דערוויל אנגענומען געווארען. אנדערע פראגען, וואס זענען נוגע באציהונגען מיט רוסלאנד, זענען אויך דעבאטירט געווארען, און עס ווערט אנערקענט, דאס אירגענד וועלכעס לאנד פון די אליאירטע האט דעם אויסוואהל אנצופאנגען האנדעל מיט רוסלאנד, אויב דאס דאזיגעס לאנד וויל עס נאר.

4 אידישע פאמיליעס געראטעוועט פון פייער

רעפארטער פון „וועג" העלפט ראטעווען א קראנקען אידען פון דער ברענענדער הויז.

פיער אידישע פאמיליעס באשטעהענד פון אונגעפעהר פופצעהן מענער, פרויען און קינדער זענען נעכטען געוועזען אין געפאהר אומצוקומען אין א פייער וואס האט אויסגעבראכען האלב איינס אזייגער ביי נאכט. אין בייסמענט פון דער צוויי שטאקיגער געמויערטע הויז, קארנער פארנסווארטה און סט. ענטוויין סט. און ווען ניט מר. יעקב פערקים, דער אייגענטימער פון דער שניידער סטארקע אין יענער בילדונג, וועלכער האט באצייטענס דערשפירט דעם רויך, וואלט פארגעקומען א גרויסע קאטאסטראפע.

אזוי שנעל ווי מר. פערקים האט דערשפירט די געפאהר איז ער האלב נאקעט ארויסגעלאפען אין גאס און גענומען שרייען: „העלפ!" פייער! און גליקליכערווייזע זענען די פייערלייט געקומען אין צייט און די פיער פאמיליעס, די רובינשטיינס, גרינבערגס, סעסמאנס און שקאלניק זענען געראטעוועט פון א זיכערען טויט.

א רעפארטער פון „וועג" וועלכער וואוינט אין יענער געגענד, אזוי שנעל ווי ער האט דערהערט די הערצרייסענדע געשרייען און דערשפירט דעם רויך, האט שנעל ארויסגעכאפט אויף זיך די אויבערשטע קליידער און צוגעלאפען צום פייער. דער געדיכטער שטיקענדער רויך האט זיך געשפארט פאר איינינע בלאקס ווייט פון דער ברענענדער בילדינג. און ווען דער רעפארטער איז צוגעקומ[illegible] נעענטער צום פייער האט ער [illegible] דארטען פייערלייט[illegible] העלדיש געקעמפט מיט [illegible] „האהן" און ניט געלאזט איהם זיך פארשפרייטען ווייטער. און אין די פענסטער פון צווייטען פלאר זענען געשטאנען מענער און פרויען מיט קינדער אין די הענט שרייענדיג: ראטעוועט! ראטעוועט!

זיי האבען ניט אויפגעהערט צו שרייען טראץ דעם וואס מען האט זיי פארזיכערט אז זיי זיינען אויסער געפאהר.

אין א סעקונדע זיינען שוין 2 פייערלייטע געשטאנען מיט א לייטער צום 2טען פלאר און מיט דער הילפע פון זייטיגע מענשען האבען זיי איינציטווייז ארונטערגענומען די פארצווייפעלטע מענער, פרויען און קינדער.

צווישען די ארונטערגענומענע האט זיך געפונען מר. אייב רובינשטיין, וועלכער האט מיט א פאר וואכען צוריק געהאט אן אפעריישאן אויף אפענדיציטיס און איז נאך אלץ אין א שוואכען צושטאנד.

מיט דער הילפע פון נאך א יונגען מאן האט דער „וועג" רעפארטער דעם קראנקען רובינשטיין'ען ארונטערגענומען [illegible] לייטער און איהם צוגעפיהרט צו א [illegible] אנטקעגען דער ברענענדער בילדינג און איהם געוואלט אריינפיהרען צו א שכן, אבער טראץ דעם וואס ער איז געווען האלב נאקעט אנגעטאן האט ער זיך אבסאלוט ענטזאגט אוועקצוגעהן איידער ער וועט זעהן זיינע קינדער.

„מיינע קינדער! ראטעוועט מיינע קינדער!" — האט דער קראנקער רובינשטיין געשריהען פארצווייפעלט ציטערענדיג פון קעלט. „וואו זיינען מיינע טייבעלעך?" — האט ער ניט אויפגעהערט צו ליאמען.

א פאר מינוטען שפעטער האבען זיך באוויזען מרס. רובינשטיין מיט די צוויי קינדער און זיי זיינען אריינגעפיהרט געווארען צו מר. סיגעל, דער אייגענטהימער פון דער שניידער סטאר, ניט ווייט פון קארנער פארנסווארט און סט. ענטוויין, וואו זיי זענען פארבליבען ביז דער פייער איז אינגאנצען אויסגעלאשען געווארען און די געפאהר פאראיבער.

אויף דעטראיטער גאסען

שווארצע טוען אפ א „שווארץ" שטיקעל ארבייט

דריי באוואפענטע נעגערס זיינען מיטוואך שפעט אין אווענט באפאלען טשאלס העף פון 304 הענדריקס סטריט און פון איהם גערויבט 4 דאלאר.

מר. העף האט באלד געכאפט אן אויטאמאביל, צוגעפאהרען צו א פאליס סטיישאן, וואו ער האט פאצאפעט צוויי פאליסלייט און איז צוזאמען מיט זיי געפאהרען כאפען די חברה.

ווען דער אויטאמאביל איז צוגעפאהרען צו סט. אובין און בריסטאל סטריט, האט העף אויסגעשריען: „אט זענען זיי!" — אנווייזענדיג אויף דריי נעגערס וואס האבען זיך ברייטלאך שפאצירט, גליק ניט זיי מיינט מען.

צוויי פון די נעגערס האבען באלד געכאפט פליטה און איינער, לעאנארד דארסי, פון 349 הייסטינגס סטריט איז געכאפט געווארען.

די פאליציי האט ביי דארסי'ן אין קעשענע געפונען א רעוואלווער און די בארויבטע 4 דאלאר.

„בוז" און צוקער קאנפיסקירט פון דער פאליציי

פאליסלייט זיינען מיטוואך שפעט ביינאכט באפאלען דאס הויז פון סעם לייטאן, 164 קארדאני עוו., און קאנפיסקירט 23 גאלאן „רייזען וויסקי" און 1,000 פונט צוקער.

לייטאן איז ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון ברעכען דעם פראהיבישאן געזעץ.

נאך 3 באנדיטען ארעסטירט

דריי חברה־לייט וועלכע האבען אנגעגעבען זייערע נעמען אלס דזשאזעף מאנצעלא, הענרי ראבינסאן און דזשיימס נארעט, זיינען ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע, אז זיי האבען אויפגעבראכען וועניגסטענס 6 סייפס.

די סייף אויפברעכונגען זיינען פארגעקומען אין פאלגענדע פלעצער: בעצעל בראס., 383 גרעשיאט עוו., אין 216 איסט קאלאמביא סטריט, אין 373 וויינדער סטריט; אין 383 גרעשיאט עוו.; אין 942 וואודווארד עוו. און אין 166 איסט קאנגרעס סטריט.

קאנדוקטארען און מאטארלייט וועלען טאן פאליציישע פליכטען

קאר קאנדוקטארען און מאטארלייט, וועלען אויטאריזירט ווערען פון דעם פאליס דעפארטמענט צו צושטעלען „סאמאנסעס" אויף שכור'ע אויטאמאביל־דרייווערס און אין עהנליכע קייסעס.

קאמישאנער אינטשעס האט וועגען דעם אויסגעארבייט א גאנצען פלאן.

„ערשטע באקאנטשאפט" מיט א „ליידי" קאסט איהם 380 דאלאר

ס'האט זיך איבערגעדרעהט

אמאליגע יאהרען איז פאר א פרוי געווען א געפאהר צו שליסען באקאנטשאפט אין גאס מיט א ווילד־פרעמדען. און היינט זיינען שוין נעבאך די מענער די קרבנות..

דזשאהדזש ל. ניס, א ניער־ביער סאלון־קיפער פון 204 פוירסט סטריט, האט נעכטען באצאהלט גאנץ טייער פאר שליסען א באקאנטשאפט מיט א ליידי, וואס ער קען ניט און ער ווייסט ניט.

די מעשה איז אזוי געווען: ניס איז געפאהרען אין אן אויטאמאביל און אין מיטען דערינען איז א פרוי צו איהם צוגעגאנגען און געבעטען א „רייד" דאון טאון. אזוי זיך אפפאהרענדיג א שטיקעל וועג, האבען 6 באנדיטען געמאכט א „האלד אפ" אויף זיין אויטאמאביל און איהם בארויבט אין 380 דאלאר.

עס קען זיך לייכט מאכען, אז די אומבאקאנטע פרוי איז ניט מעהר ווי א פרוי, אבער פארדעכטיג איז דערוויל די געשיכטע: וואס האט די פרוי דוקא איהם געבעטען פאר א „רייד"? און פאר וואס האט עס פאסירט דוקא אין דער צייט ווען די פרוי איז מיט איהם געפאהרען?

דאס איז איצט א הארבע שאלה פאר דער היגער פאליציי. דערוויל איז איינער פון די 6 חברה שוין ארעסטירט און דערקענט אלס איינער פון די באנדיטען.

צוויי ברייזעל־אייגענטימער ארעסטירט

סטעוו שוסטער 40 יאהר אלט פון 423 סט. אובין עוו. און פעטער קואסינקא, פון 27 יאהר, פון 208 סאלווי עוו. זיינען ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע, אז זיי האבען צוזאמען געהאלטען א ברייזעל פון „בוז".

געמאנדעל אנטלויפט פון זיין פלוגית'טע

מרס. דשוליא גארעק, פון 423 קוירבי עוו. איז געקומען צו דער פאליציי און זיך באקלאגט, אז איהר געמאנדעל האט גענומען פליטה און זי ווייסט ניט וואו ער איז. ס'געמאנדעל האט מיט זיך מיטגענומען א סומע פון $1,400

פאלים און פייערלייט שטעלען העפליך אפ בירגער אין די גאסען

ווען איהר ווערט היינט אפגעשטעלט פון א פאליסמאן אין גאס — שרעקט אייך ניט! זיי ווילען אייך ניט ארעסטירען. אלץ וואס זיי ווילען איז, אז איהר זאלט אונטערשרייבען א פעטיציע וואס זיי שטעלען יעצט צוזאמען פון דעטראיטער בירגער, וועלכע זיינען דערפאר אז די פאלים און פייערלייט זאלען קריגען א העכערונג אין זייערע ווייזשעס.

זיי שטעלען יעצט אפ יעדען בירגער און פארלאנגען ער זאל געבען זיין אונטערשריפט אויף דער פעטיציע.

אין דער פעטיציע ווערט אויפגעוויזען אז זייערע וויידזשעס וואס זיי קריגען יעצט קומען ניט נאך די הויכע לעבענס מיטלען און זיי אפעלירען מ'זאל נעהמען דאס אין אנבעטראכט.

דעטראיטער ריכטער שטיצען לעהרערס פאדערונגען

זאגען, אז די ערציהונג פון קינדער שטעהט אויף א נידעריגער מדרגה, ווען לעהרער קריגען ניט גענוג באצאהלט.

„זינט איך האב פארלאזט די סקוהל, האב איך אלע מאל אגיטירט, אז לעהרער זאלען קריגען אנשטענדיגע וויידזשעס. זיי טוען א דאנקבארע ארבייט און עס איז אונזער פליכט זיי צו פארזארגען מיט גוטע לעבענס־מיטלען."

דעם דאזיגען סטייטמענט האט נעכטען ארויסגעגעבען דזשאדזש ארטור רוש. טאטעל, וועלכער האט אין צייט ווען ער איז געווען סטייט־סענאטאר, אריינגעטראגען דעם ביל, וואס האט באוויליגט 12 „גריידס" פרייע בילדונג צו אינגלאך און מיידלאך פון דער קאונטרי.

„ווען אונזערע קינדער געהען אוועק פון דער היים צו קריגען אונטעריכט פון באצאהלטע לעהרער, דאן איז דער לעהרער פון מיין קינד פאר מיר א פיעל גרעסערער אינטערעס ווי דער פאבריציירער פון מיין אויטאמאביל.. דעטראיטער לעהרער זיינען בארעכטיגט צו גרעסערע שכירות ווי זיי באקומען יעצט".

ריכטער דזשאדזש ס. הארמער האט אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז מיר וועלען בלייבען אהן לעהרער, אין פאל מען וועט באצייטענס ניט זעהן, אז לעהרער זאלען זיך באצאהלען פונקט אזוי גוט ווי אנדערע באשעפטיגונגען.

„איך בין פאלקאם איבערצייגט — האט דיזער ריכטער געזאגט — אז מיר וועלען אין גיכען בלייבען אהן לעהרער אין פאל ימיר זאלען זיך ניט צוטיילען און העכערען זייערע שכירות

„אין קמח אין תורה".

„וועה איז צו דער ערציהונג פון קינדער, ווען לעהרער קריגען ניט גענוג באצאהלט", איז די מיינונג פון דזשאדזש הענרי כ. מעגרעל.

„איך בין מיט'ן גאנצען הארצען דערפאר, אז לעהרער זאלען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען".

עטליכע סטייטמענטס האבען געמאכט דזשאדזש גאף און דזשאדזש קאר.

דזשאדזש אדאלף פ. מערשנער, האט ערקלערט, אז „דעטראיטער לעהרער זענען בארעכטיגט צו קריגען גרעסערע וויידזשעס, און אויב זיי גיעגען עס ניט איז די פליכט פון דער רעגיערונג צו זעהן, אז זיי זאלען עס קריגען.

אין זעלבען זין האבען זיך אויסגעדריקט כמעט אלע ריכטער פון דעטראיט.

מ. אלגינ'ס פארטראג היינט אווענט.

היינט אווענט, וועט אין ליבאר ליסעאום פארקומען אן אינטערעסאנטע לעקציע איבער דער טעמא „די מאדערנע אידישע ליטעראטור". די לעקציע ווערט געגעבען פון באוואוסטען ליטעראטור קריטיקער, מ. אלגין.

געוויס וועט זיין אן עסטעטישער גענוס פאר די ליבהאבער פון דער אידישער ליטעראטור צו הערען אן אינטערעסאנטען פארטרעגער, ווי מ. אלגין איבער דער אויבענדערמאנטער טעמא.

פ. מ. ראסקין אין דעטראיט

די היגע ציוניסטען האבען איצט זעהר א חשוב'ען גאסט, אין דעם באקאנטען אידישען דיכטער ה. פ. מ. ראסקין.

ראסקין איז זעהר א שעהנער רעדנער און איז גאנץ טעטיג אין דער ציוניסטישער באוועגונג. פאר דער צייט וואס ער וועט פארברענגען אין דעטראיט וועלען דא פאר איהם ארגאנזירט ווערען מאסמיטינגען און לעקציעס איבער וויכטיגע נאציאנאלע ענינים.

צו די לעזער פון „וועג" איז דער דיכטער זעהר גוט באקאנט פאר זיינע לידער וואס האבען זיך געדרוקט אין דעם נומער איינס פון „וועג", אין דעם פאראיאהריגען פסח נומער א. ז. וו.

לעצטענס איז ארויס פון דרוק א ניי בוך פון פ. מ. ראסקין „אידישע לידער".

אן איבערבליק איבער דעם בוך וועט אינגיכען ערשיינען אין „וועג" פון אונזער געעהרטען רעדאקטאר, ב. י. גאלדשטיין.

„טרוקענער" אקט אונטערשטיצט פון קאנגרעס

וואשינגטאן, מארטש 4. — דער קאנגרעס האט היינט מיט א גרויסער מאיאריטעט צוריקגעוויזען א פארשלאג מבטל צו מאכען דעם „פראהיבישאן ענפארסמענט אקט".

„פלו" עפידעמיע אין מישיגאן פאראיבער

לענסינג, מארטש 4. — לויט דר. דיקאן, ספעציאליסט אין עפידעמישע קראנקייטען פון „העלט־קאמישאן" זענען די עפידעמיעס פון „פלו" און ניומאניע אין מישיגאן שטאט פאראיבער. די צאהל טויטע פון דיזע עפידעמיעס פאר די לעצטע צוויי מאנאטען איז 3,621.

סטרייקענדע מיידלאך פון פארק, דייווים קא. ארגאניזירען זיך.

די 300 מיידלאך, וועלכע האבען לעצטע וואך ארויס אין סטרייק ביי דער פארק, דייווים קא. האבען זיך איצט ארגאניזירט אין א „לאבאראטארי ווארקערס יוניאן". זייער פארלאנג פון 10 סענט א שטונדע העכערונג איז נאך אלץ ניט נאכגעגעבען געווארען.

די מיידלאך פארדינען איצט 70 דאל. א מאנאט און, פארשטעהט זיך, דאס ביי דעם איצטיגען יקרות איז פאר זיי אונמעגליך אויסצוקומען מיט אזעלכע קלענליכע פארדינסטען.

די סטרייקערינס האבען באשלאסען צו „פיקעטען" און אפצוהאלטען סטרייקברעכערינס פון צו פארנעהמען זייערע פלעצער.

אין זונטאגדיגען נומער „וועג"

פאראן נעבען דעטראיט א פארשטעדטעל העמטראמעק, לעבען זיך די דארטיגע אידען אין שפע. אבער וואס הערט זיך מיט זייער אינערליך, ארער גייסטיג לעבען? ווי אזוי שפיגעלט זיך דארטען אפ דער אידישער געדאנק, וואס איז איצטיגע צייט צום לעבען געקומען אין יעדען אידיש ווינקעלע? וועגען דעם רעדט זיך אין דעם זונטאג'דיגען עדיטאריעל, געשריבען פון אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין.

די זמרה קומט זונטאג קיין דעטראיט. צו דיזער געלעגענהייט האבען מיר איינגעלאדען דר. א. רייזלין ער זאל אונז שרייבען א לענגערען ארטיקעל. דאס ארטיקעל וועט געדרוקט זיין אינם זונטאגדיגען נומער „וועג".

וואס זאגען די דעטראיט'ער ענגלישע צייטונגען? — א וויכטיגער „פיטשור" אין „וועג", אין וועלכען עס וועלען איבערזעצט ווערען פון די היגע ענגליש צייטונגען די וויכטיגסטע עדיטאריעלע נאטיצען און ארטיקלען מכח דעטראיט'ער און מישיגאן'ער ענינים. אינם ערשטען ארטיקעל ווערט איבערגעגעבען די מיינונג פון צוויי צייטונגען וועגען דער פארשווערונג קעגען סאניטאריום און וועגען דעם פלאן צו עפענען סקוהלס פאר דערוואקסענע.

קען עס מעגליך זיין אז א פאליסמאן זאל ווערען ברייטהארציג און פארברעכען קעגען געזעץ צוליעב אימיצען? — לייענט די סקיצע מיט'ן נאמען „אכטצעהן דרייצעהן" פון מרים קארפילאוו אינם זונטאג נומער.

בייטאג איז זי אן ארבייטערין און ביינאכט א מיליאנערקע — דאס איז דער נאמען פון דעם ארטיקעל אין וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען די גאנצע פאסירונג מיט ראזע שווייבערג, וועגען וועלכע אלע צייטונגען האלטען איצטער אין איין שרייבען.

אויף דער לעצטער פיידזש פון „וועג" געפינט דער לעזער יעדען טאג חוץ אן עדיטאריעל פון ב. י. ג—ן אויך הומאר, וויץ און אנדערע אינטערעסאנטע לעזע שטאף.

דער באוואוסטער חזן
ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנר)
נעהמט אן סדור קידושין
אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע
עופדירענהיים.
57 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעלין

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידישין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, זאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניוצטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קארילאק 4924 עם.

פערלאנגט. פעהיגע קאנוועסער פאר'ן „וועג"
יונגע לייט וואס ווילען מאכען געלט פאר אייניגע שטונדען ארבייט צו קאנוועסען פאר סובסקרייבער פאר'ן „וועג" גוטע קאמישאן ווערט געצאהלט. איהר קענט מאכען גוט געלט אין אייער פרייע צייט. זיך מעלדען יעדען טאג און אווענדס אין אפיס פון „וועג" 347 הייסטינגס סט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען אייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואַרד
737 אוקלאנד עוו.

די נאטור איז דער בעסטער דאקטאר.
ווען איהר ליידעט פון רומאטיזם, הארץ, קידנעס אדער סטאמאך אפילו קראנקהייטען וועלכע זיינען סיפיליטיש, ווענדעט זיך צו מיר. מיינע מעדיצינען וועלכע זיינען געמאכט פון געוויקסען, זיינען דער ווירקזאמסטער מיטעל צו די אלע קראנקהייטען. — די ווירקזאמסטע מיטלען פיר פרויען קראנקהייטען.
ס. גרין. 769 בוביען סט.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נעמט מאכט נאר פון רייניגער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דוראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO.
געמאכט אין דעטראיט.

לעזט דעם „וועג"

ענִיים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע
ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

— אויף מיינע פריינד געזאגט געווארען פארוואס די שונאים, לאזען זיי דאס אויך ניט האבען, האט זיך חוה פלוצלונג צולאכט — אויך מיר איין אומגליק — מען געפעלט דעם בעל בית צו דעם בעל בית זוהן, וואס דען? ע! א פנים איהר לאה, זענט נאך נאר א פויליש מיידעל או ווייסט נאך גארניט ווי מען באגעהט זיך מיט די ל י י ט, ווי אזוימען דארף האבען שכל ווי מיט די גרויסע הערשאפטען זיך צו באגעהן; פרעגט ביי מיר איך בין נאך אויך ניט קיין אלטע אידענע, איך בין א ווייבעל פון 28 יאהר, איך דיען שוין פון מיט מיין שלאס, איך בין געגאנגען דיענען א יאהר 8 זינט איך האב זיך געזעגענט נען, פון דעמאלט אן — א! א!..

לאה האט איהר געקוקט גלייך אין מויל, זונקט ווי דער תלמיד הערט אויס דאס ערשטע מאל פון זיין רבין ווי מען פיהרט זיך אין זיין חדר — לאה האט באמת געמיינט אז זי איז טאקע נאך א פויליש מיידעל וואס ווייסט זיך אפילו ניט ווי אזוי אויפצופירען מיט לייטען און האט ערווארטעט אז חוה וועט איהר דא עפענען דעם מוח, זי וועט זי אויסלערנען.

יא... אמת.. איך בין טאקע ניט לאנג אין אדעס און זיים טאקע נאך ניט ווי מען פיהרט זיך דא, האט לאה געזאגט אה חכמות גאנץ ערנסט. —

— ניין שוועסטער לעב, יעדע זאך זיך אויסלערנען קאסט געלד מיט מיה; איך, ווען איך בין נאך נאריש געווען האב איך אזוי געהאנדעלט, אז א מאנסביל האט מיך אנגעריהרט בי איך דריי מאל רויט געווארען און זיך אזוי פארשעהמט אז איך האב מיין פנים ניט געוואוסט וואו צו אנטלויפען פאר בזיון, דאס הארץ פלעגט זיך מיר אזוי שרעקען און אזוי קלאפען אז איך האב געמיינט איך האב שוין ביידע וועלטען אנגעווארען.

— טאקע אזוי, נא און היינט? האט זיך לאה דערפרעהט וואס די קעכין פילט אזוי איהר הארץ.

— היינט פרעגט איהר? חא, חא! היינט איז גאר ניט, היינט בין איך שוין קליגער, היינט האב איך זיך אויסגעלערענט, איך וויל שוין אפילו קיין ליעבעס ניט פיהרען..

— וואס הייסט קיין ליעבעס ניט פיהרען? איך פערשטעה ניט וואס איהר מיינט.

וואס איז דא ניט צו פארשטעהן, פריהער אז איך בין א ביסעל קליגער געווארען, און זיך אויפגעהערט צו שרעקען פאר מאנסבילען, פאר יונגע לייט, ווע איך האב געזעהען אז אייגער פון מיינע בעל בית'טעם קינדער־טשעפעט זיך צו מיר, האב איך גמיינט ניט אנדערש, נאר זיי זענען אין מיר פארליעבט; פארשטעהט זיך אז איך נארישע, האב זיך געפרייעט דערמיט איך נאר האב זיך געטראכט: טרעפט זיך דען ניט אויף דער וועלט א זא גביריש בעל בתיש קינד זאל זיך פארליעבען אין א ארים דענסט מיידעל?" און איך האב געגלויבט אין דעם או זיך איבערגעגעבען מיט אלעמען, נאר דערנאך אז איך האב געזעהען ווי זיי האבען מיך אויפגעהערט צו דערקענען, זיי האבען זיך באנוצט מיט מיין נארישקייט, און אז שום רחמות מאבען זיי אונז נאר אומגליקליך, אז זייער ווארט טאר מען ניט גלויבען, בין איך שוין קאנג'יישט ר ... קליגער געווארען. — איז אייער נאר צו מיר צוגעטראטען האב איך איהם געפיהרט ביי דער נאז א גאנץ יאהר; פאר אלעמען, ווי ווייט נאר מעגליך אויסגעלידיגט די קעשענעס א. ז. וו.

— גנבענען? !! ..

— וואס הייסט גאנבענען — זיי פלעגען מיר צוביסלאך אליין געבען, אלע מאל איין אדער מתנה, א. ז. וו. א' שוועסטער לעב, איך האב אמאל מיט זיי געכמאלעט א וועלט גיט ווי איצטער, איצטער בין איך נאר א פראסטע קעכין, ווארום עס זענען שוין ניטא די יאהרען וואס פריהער, הלואי וואלט איך אך איצט געווען אזוי יונג ווי איהר, וואלט איהר געזעהען ווי איך וואלט געלעבט ווי איך וואלט זיך באגאנגען מיט די לייט, און איהר וויינט נאר און קלאגט! חא, חא, א מין אומגליק!.. אר ניש קשה אין אדעס וועט איהר געוואהנט ווערען, איהר וועט זיך אויסלערנען און דערנאך וועט איהר ערשט זעהען וואס פאר א נאר איהר זענט געווען ווען איהר קענט אויף אזויע נארישקייטען וויינען, מע דארף אך האבען שכל, מעג מען אייך נאר מקנא זיין וואס איהר זענט אזוי יונג און שעהן און קענט געפעלען! . . .

לאה האט מעהר ניט געענטווערט, די קעכין האט דערנאך געענדיגט דאס געפעס וואשען און זיך געלעגט שלאפען. —

לאה האט די נאכט נאר ניט געשלאפען, דאס אויסרעדען זיך דאס הארץ מיט דער

קעכין האט איהר פון דעם קאפ ניט געקאנט ארויס. —

— ניין חוה או ניט מיין גלייכען, זי איז א געבארענע דיענסט, איך קען זיך ניט אזוי פיהרען, נאר מיט איין זאך איז זי באמת גערעכט, וואס איך האב באמת אזוי מורא ווע דער בעל בית, אדער דעם בעל בית זוהן ריהרען מיך אן און געמען מיך ארום, צו זיי גיבען מיר א קוש, זיי בייסען מיך דען אב דערמיט? וואס זאל מען טאן, אפשר איז דאס מיך ניט אנגענעקם, איך בין דערצו ניט געוואהנט, וואס זשע קען איך טאן? אפשר דארף מען זיך טאקע אזוי פיהרען אי די גרויסע שטאדט, איך דיען דאך פארט ביי יענעם, קען מען דען זיין אזוי ווי איך? ווי באלד עפעס אנטלויף איך און זאג זיך אב פון דער שטעלע, איז דאס מעגליך מיט אזא כאראקטער זיך האלטען אויף א שטעלע? און וואס וועט ווערען דער סוף פון דערפון? איך בין שוין באלד א חודש אין אדעס און איך האב נאך גאר ניט פארדיענט, פאר מיין אומגליקליך קינד נאך גאר ניט געטראכט איך בין פארשווארצט געווארען איך האב נאר זיך אין זינען, וואס בין איך אזא מיוחסת? ניין חוה איז טאקע גערעכט, מען טאר אזוי ניט זיין, איך פארשטעה אליין ניט וואס איך האב אזוי מורא פאר מאנסבילען, בין איך דען אזא אונטערן־אויוועט מיידעל וואס איך האב ניט געזעהען פאר זיך קיין מאנסביל? איך ווייס אליין ניט וואס איז געוואָרען מיט מיר איצט אזוינס......

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער העננינג
דעקאריייטאר און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען.

דזשולערי סייל
אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע
זייגערס
מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.
רינגען
גאלדענע בראטשעס מיט אמתע קעמיאס. ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע
קדושין רינגלאך
גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען
The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויטער.

אויסקינפטע פריי
זעהר גערן געגעבען איבער פאלגענדעניס: פאספארטען, ווי צו שיקען געלד אין אייראפא, ווי אזוי איבערצובריינגען אייערע פאמיליעס. וועגען די רעכט פון לענדלארד און טענענטס, וועגען לאנדקאנטראקטען, מארטגעדזשעס, טעקסעס, און זא ווייטער.
ווי צו ווערען א בירגער
וואו און ווי אזוי צו לערנען ענגליש, סאלדאטען פענסיע, ליבערטי באנדס, באנוסעס, אינשורענס און נטורהאליזיישאן.
The Free Information Bureau
Detroit Board Of Commerce
קארנער וועין און לאפאיעט (2טער פלאר); שטונדען: 8:30 ביז 5:30

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O. D.
אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגען איבער עהרליך"ס דזשולערי סטאר.

קויפט וואו אלע קויפען גודס, פענסי דריי גודס, קוירטענס, קווילטס, בלענקעטס, בעסטע ברענד אונדערוועהר
ספעשעל רעדאקשאן פאר פעברואר!
מאכט קיין מיסטייק!
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

פארלאנגט אגצונעמען סובסקרייבער פאר'ן „וועג". ליבעראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג".

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נייע גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשעקעטס פורנישינגס, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעסיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 3595 דאבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט איש און גארבעדזש, סעמענט רעספעטיקעלס, ווייל פון 1־טען מארטש ווערט די פרייז געהעכערט
ווארט ניט ביז די באארד און העלט וועט אייך באדערען.

JUDGE GAINEY

HAVANA CIGARS
NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

CLASSIFIED

לואיס וועסטעראף ווערט געזוכט פון מרס. עני רובין פון מאנטרעאל. ווער עס קען איהם אדער ווייסט זיין אדרעס איז געבעטען צו מעלדען: 393 הייסטינגס סט.

די בעסטע פרייזען
פאר דיימאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

גרויסער גליק
צו פארקויפען א בייקערי שאפ אויף דעם בילדינג — פינף פעמילי פלעט און דריי גודס סטאר, פרעגען: מר. קאשינעווסקי, 1270 קעמפבעל עוו. איסט 8)

3 צימערען צו פארענטען פון א קאטעדזש אין אקלאנד ביי א קאפעל — גוט נאר פאר יונגע לייט מיט אייגענע פארניטשור. נאכפרעגען: בורשטיין, 373 סט. ענטוויין. טשערי 4098רזשיי.

א שניידער פארלאנגט סטעדי ארבייט פאר אלטערייישאנס 40 דאלאר א וואך פרעגען אין דעניעלס פלייס, 196 פיורסט סטריט, קאר. מישיגען.

צום פארקויפען 8 רום הויז. פרעגען מר. יודאוויטש, 127 סאוטה גרעשיאט עוו. מט. קלעמענס, מיש.
טעל. 837 פרייז $5400 (4

מיר רענטען, ליעסען און פארקויפען פראפערטי.. ליסטעט אייער פראפערטי מיט אונז. איהר וועט האבען באלדיגע רעזולטאטען.
העריס און לואיס 481 ענטוויין סט. טשערי 8054.

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער מענש וועט קריגען גוט באצאלט, זיך ווענדען צום סופעראינטענדענט מר. איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנצע וואך.

גראסערי צו פארקויפען אין בעסטען אידישען נעגענד. מאכט מעהר פון $800.00 א וואך ביזנעס. רופט גארטוועי 4749־אר.

צו פארענטען 5 רומס 700 הייסטינגס סט. ביליג רענט צו דעם וואס וועט איבערנעמען די פארניטשור, פרעגען מר. סאפרין.

האלס
צו פארענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטערארישע אווענטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות. ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

אויפמערקזאם!
חזן דעמרוזאן פון טאלידא וועט דיווען פרייטאג, דעם 5־טען און שבת דעם 6־טען מארטש פארבעטען אין אגודת אחים שול, הייסטינגס קאר. פערי
איינטריט פריי

בארגיינס אין הייזער
—::—::—
א הויז צו פארקויפען אין 165 וועסטמינסטער. 10 רומס, 3 אויטאמאביל גאראדזשען. דער לאט פארנעהמט 50 ביי 125 פוס. האט אלע אימפרואוומענטס פרייז 14 טויזענד דאלער. קעש פיער טויזענד דאלער.
פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690.

א הויז צו פארקויפען אין מארסטאן נעבען רושאן אר. 11 רומס, מיט אלע אימפראוומענטס. דער לאט 65 פוס. קעש 3.500 דאלאר.
פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690

יוזט פאלם-אלא
פאר'ן מאגען א רפואה פאר'ן פאקעט א ישועה
פאלם־אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאקנאטס אין פינאטס אייל, און אנדערע נאטור רייכע וועדזשעטייבעלס און קען געניצט ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די ווירסענשאפטליכע מעטהאדען און סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט־פרוף סאניטארע פאקסעס.
פאלם־אלא איז איינגעצייכענט גוט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. גיט אייערע קינדער פיעל פאלם־אלא. עס וועט זיי פיעל גוט טהאן און עס איז פיעל ביליגער ווי די אלד פעשאנד פוטער.
פאלם־אלא איז מיט זיין נאטירליכע רייניקייט און געשמאקייט ממש טעם גן עדן, און ווער עס טרייעט דאס צו יוזען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.
פאלם־אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דעטראיט ביי דער באוואוסטער „שעד קרימערי". אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען סופלאי יעדען טאג.

געמאכט פריש יעדען טאג אין דעטראיט
גלדך פון דער פוטער פאס צו אייך

פאלם־אלא איז כשר בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר' יוסף תאומים דפה

גראסערי לייט
עס איז פאר אייער בענעפיט איהר זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט ניט קיין טראבעל, איהר דארפט ניט ווארטען, איהר דערלאנגט א פעקעדזש צום קאסטימער און דאס איז אלעס.

לעזט דעם הכשר:



שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם־אלא
S. J. Bartush Co West 1407

אינטעליגענטען

רא[מ]אן פון י. ל. מאלאמוט

— יא, איך טראכט זעהר אפט וועגען דעם. עס איז שווער, זעהר שווער ארויס־צורייסען זיך פון ראנען, איין מאל האט א פרוי פארזוכט צו פערדינען געלד אויף אזא וועג, קען זי שוין מעהר נישט ביישטעהן דעם נסיון. איבריגענס — האט זי ווייטער גערעדט — עס איז דאך א געשעפט, פונקט ווי אלע געשעפטען. איינער ארבייט אין א פאבריק און פאר־קויפט זיינע הענד, א[נ]דער אן אנדערער ארבייט אין א קאנטאר און פערקויפט זיין מארך, זיין געדאנק. איך ארבייט נים וועניגער ווי אן אנדערער, וואס מאכט דאס אויס וועלכעס גליעדר איך פארקויף?

— ווי מאדנע א מענש קען אויספא־סען א געדאנק! — האט ער געקלעהרט און האט אונטערדריקט א שמייבעל.

— האב איך דען נים א רעכט אויף זיך אליין? — האט זי א זאג געגעבען און האט אנגעשטעלט אויף איהם א פאר גרויסע דורכדרינגענדע אויגען.

ער האט זי בערוהיגט דערמיט, דאס ער האט צוגעשטימט.

— געוויס, געוויס!

זי האט איהם א קוש געטאן אויף דעם שטערען.

— דיך האב איך ליעב! — האט זי זיך אווארף געטאן אויפ׳ן בעט, וואו ער איז געלעגען און האט זי אויפגעגעסען מיט די אויגען.

— גיב מיר נאך אביסעל געלד!

— וויפיעל זאל איך דיר געבען?

— מיט דיר וועל איך זיך מעהר נים דינגען — האט זי געענטפערט, — דיר פארקויף איך גאר נים. דיר האב איך ליעב!

ער האט נים געצעהלט און ארויס־שלעפענדיג א הויפען געלד, האט ער דאס איהר דערלאנגט. זי האט דאס שוין מעהר נים בעהאלטען, ווי איהר שטייגער איז געווען, זי האט דאס געלעגט אויפ׳ן טיש און אליין איז זי געלעגען לעבען איהם און האט צו איהם ליעב געשמייכעלט.

— איך וועל בענקען נאך דיר, אויב דו וועסט אין א שעהנעם טאג מעהר נים זיין דא — האט זי איהם איינגערוימט אין אויער אריין.

דאס האט אויף איהם מאדנע גע־ווירקט. אן עלעקטרישער שטראם איז איהם דורך איבער אלע זיינע גליעדער.

זי האט דערפיהלט ווי זיין געזיכט האט זיך פערפלאמט און ליגענדיג האט ער זעהר שווער געאטעמט.

— האב מיך ליעב, ליעב מיך, ווי מען ליעבט א פרוי! — און זי האט צושפרייט איהר ארמס, האט איהם איינגעשלאסען און איהם פעסט געדריקט צו זיך.

זי האט מעהר נים פראטעסטירט וואס ער האט זי געקושט אויף די באקען און אין די ליפען.

— קענסט יעצט מיט מיר טאן וואס דו ווילסט. איך דענק מעהר נים וועגען מיין גראף, איך וויל איהם מעהר נים קע־נען — האט זי געענטפערט. — דיך האב איך ליעב, דו ביזט דער ליעבענסווירדיג־סטער מענש וואס איך האב ווען געזעהן.

— וועסטו שוין מעהר נים צוריקקעה־רען צום גראף?

— איינמאל בלויז, איך וועל איהם לא־זען א צעטעלע, אז איך בין אבגעפאהרען, כדי ער זאל מיך דא אין שטאדט מעהר נים זוכען.

— און דאן?

— דאן וועל איך זיך צוריקקעהרען צו דיר — האט זי פארטגעזעצט — אויב דו ווילסט, וועלען מיר דערנאך ערגיץ אבפאהרען און איך וועל ווערען דיין פרוי.

אין אנהויב, בעת זי האט גערעדט צו איהם, האט ער איהר אלעס געגלויבט נור ווען ער האט געהאפט א קוק אויף דעם צימער, אויף די בילדער, אויף דיא ווענד איהרע קליידער און דערקענענדיג אז אט איז זי דאך יעצט אויף פארהייראט און נארטאיהר שיכור׳ן גראף יעדען טאג, האט ער שטארק געצווייפעלט אין איהרע רייד.

— ביזטו צופריעדען? — האט זי אים איבערגעפרעגט, נאכדעם ווי ער איז געלע־גען פארטיעפט אין געדאנקען.

— מיר וועלען זעהן! — האט ער גע־ענטפערט — איך מוז זיך גוט באדענקען.

מיט אמאל איז איהם איינגעפאלען דער אפיום געדאנק און ער האט גאר אהן קורצען בי איהר א פרעג געטאן:

— האסטו ווען פארזוכט אפיום?

— איך בין צו קלוג, צו באגעהן אזא נארישקייט! — האט זי זיך צעקאכט.

— איך וויל נאך נים פארליערען מיין שעהנקייט, מיינע נערוועז, איך וויל נאך לעבען.

— דייטש דאס דיך גאר קיינמאל נים?

— ניין, איבערהויפט ווען איך הער אפט רעדען וועגען קויפיום פאטער, וועל־כער האט דורך דעם אפיום זיין לעבען פארלארען. האמאלס קומט דאס מיר אפי־לו נים אויפן געדאנק צו טראכטען וועגען אפיום. — האט זי גאנץ רוהיג און אויס־גערעכענט ווייטער גערעדט — יענער האט דאך אפילו זיין קינד פארקויפט צו באפרידיגען זיין אפיום ליידענשאפט!

— עס איז אלזא אמת וואס די קליינע האט מיר דערציילט? — האט ער א זאג געגעבען.

— דו האסט מיט איהר לאנג פאר־בראכט? — האט זי זיך ביי איהם נייגעריג נאכגעפרעגט און איז געווארען זעהר אונ־רוהיג.

— איך האב מיט איהר פארבראכט א פאר מינוטען. זי איז גאנץ אינטערע־סאנט.

זי האט זיך אנגעברוגזט אויף איהם:

— אויב דו ווילסט מיך ליעב האבען, ראן זאלסטו נים פארברענגען מיט קויפיד׳ן.

— האט זי בייז ווערענדיג פארטגעזעצט:

— איך האב זי פיינד!

ער האט נאך אלץ געקלעהרט וועגען דעם אפיום.

— דו מוזט מיר זאגען וואו איך קען בעקומען אביסעל אפיום — האט ער איר א זאג געגעבען און האט זיך געוועון אויס געהויבען פון בעט.

עס וועט דיך אומברענגען פון דער וועלט — האט זי איהם געווארענט — אלע וועלכע לאזען זיך אוועק נאך דעם אפיום רויך, ווערען רואינירט, דו וועסט זיין דער אונגליקליכסטער אין דער וועלט!

מיט טרעהרען אין די אויגען האט זי זיך ביי איהם געבעטען — גיב אויף דעם שרעקליכען געדאנק, זעה לאז דיך נים ארא־פיהרען פון וועג.

— איך מוז דאס בלויז איינמאל פאר־זוכען. — האט ער גערעדט — איך מוז איינמאל בלויז איינמאל!

— וועסט זיין שטארק גענוג זיך דער־נאך צו באהערשען און דאס מעהר נים וועלען רויכערען? — האט זי איהם גע־פרעגט.

— איך פארשפרעך דיר אז איך וועל בלויז איינמאל דאס פארזוכען.

— ביי מיר געפינט זיך אין פארציע אפיום — האט זי איהם שטיל איינגערוימט אין אויער.

ער איז געווארען ווילד און אויפגע־רעגט, הענד און פיס אונטער איהם האבען מורא׳דיג זיך געטריסעלט.

— דו מוזט דאס מיר געבען! — האט ער זיך געבעטען בי איהר און איז געפא־לען פאר איהר אויף די קניהען.

— איך וועל דיך ליעב האבען, עביג ליעב האבען! — האט ער געשעפטשעט טהו דאס פאר מיר, גיב מיר דיין אפיום!

— וואו וועסטו דאס רויכערען? — האט זי איהם איבערגעפרעגט. דא אין צימער קענסטו דאס נים טאן. מען קען נאך דערשמעקען דעם גערוך אין צוויי־טען צימער —

— דא איז דאך פאראן א אפיום קע־לער! — האט ער געענטפערט — אמאהל האט מען דאך דא גערויכערט אפיום. איך וועל אלזא מיך אריינגאנבענגען אין קעלער און דארטען וועל איך דאס טאן.

זי האט נאכגעקוקט אביסעל און דער־נאך האט זי איהם א זאג געגעבען:

— וארט אויס, ביז עס וועלען זיך אנקומען מעהר געסט, דאן וועט אין זאל ווערען א גרויסער טומעל און דאן וועסטו דאס קענען מאכען דא ביי מיר אין צי־מער.

ער האט מיט גרויס אנשטרענגונג קוים דערווארט די צייט ווען אין זאאל האט אנ געהויבען צו הערען זיך דאס געזאנג פון דעם גיטאר.

זי האט זיך אועקגעדרעהט אין א ווינקעל וואו עס איז געשטאנען א פאר־שלאסענער קאסטען.

— איך וויל נים דו זאלסט זעהן וואס איך טהו — האט זי איהם א זאגגעגע־בען.

צוויי קברים און איין מת

אידען פון בעי סיטי קענען זיך נים צ עטיילען מיט דער מצוה פון הלוית המת. — צוויי חברות שלאגען זיך איבער איין ברמנן.

מר. חיים ריבקין, וועלכער איז אן איינוואוינער אין דער סיטי פאר די לעצ־טע 30 יאהר, האט געכטען פאר א רע־פארטער פון „וועג״ דערצעהלט א מעשה וואס קען זיך טאקע טרעפען נאר ביי אי־דען.

דער קלימאקס פון דער געשיכטע האט פאסירט לעצטען פרייטאג. אבער אינטע־רעסאנט זיינען אויך די פריהערדיגע גע־שעהענישען וואס האבען פאראורזאכט די צוויי קברים פאר איין מת.

די מעשה פאנגט זיך אן אזוי:

געווען אמאל א צייט, ווען אידעלאך פון בעי סיטי האבען געלעבט בשלום; אלע האבען געדאווענט אין איין שוהל; אלע האבען געהאט אין מקוה כשרה, איין שטיק קרקע, איין רב, איין חזן, איין שמש און סא׳יז געווען ווי מ׳זאגט: „שלום ושלוה, והשקט ובטח״.

ויהי היום, מאכט זיך א מעשה, אז צוויי אידען „ליופען״ פאר איין מוניצי־פאלען אמט און — ווי עס איז דער סוף פון אלע לויפעניש[ע]ן — איז איינער דורכ־געפאלען מיט א קניאק.

האט דער דורכגעפאלענער איד זיך מתקנא געווען אין דעם געווינער און איז איהם געווארען א שונא, טאקע מיט שנאת המן ומרדכי.

און האבענדיג מיט זיך אביסעל פא־טריאטען, האט ער מיט זיי אפגעהאלטען אן אסיפה, און ס׳איז אפגערעשעט גע־ווארען נים צו שטעהן מעהר אין די דלד־אמות פון דעם „עלעקטעמען״.

איז וואס זשע טוט מען? מא׳יז דאך עפעס אידען! און כל זמן מ׳לעבט דארף מען געהן אין שוהל, און אז גאט העלפט א שמחה — דארף מען כלי־קודש, און אי־בער הונדערט און צוואנציג יאהר דארף מען קרקע און דא איז בלויז דא איין שוהל, איין בית עולם, איין רח״ש — אזא טראגעדיע!

אבער אידעלאך גיבען זיך אן עצה: דער „דורכגעפאלענער״ איד האט זיך גע־לאזט קאסטען א מאיאנטעק מיט געלט און אויפגעשטעלט אן אפאזיציאנס־שוהל, „געקעפטשורט״ דעם שמש פון דער אל־טער שוהל, אויסגעשריבען א רב, א חזן; אריינגעקריגען די חברה־קדישא אויף דער זייט פון די „רעבעלען״ און — — טא־טעלאך, מאמעלאך! — די אלטע חברה איז געבליבען נים נאר אהן א שמש, נאר אויך אהן א בית־עולם!

האט דער „אלטער רעושים״ באשלא־סען — די „רעבעלען״ אויף צופוקעניש — איינצוקיפען א לאט, אויף־יענער זייט פארקאן פון דעם אלטען בית־עולם, אפ־געפייערט א „חנוכת הגדר״ און — הלואי זאלען אידעלאך נים דארפען — בעי סי־טי איז שוין געבענשט געווארען מיט צוויי אידישע סעמעטערים אויך.

און ס׳האט זיך אנגעפאנגען א קאנקו־רענציע אין דער קברנ׳ישער אינדוסטריע פון בעי סיטי, א געשלעג איבער מתים...

די שעהנסטע שטיקעלע קאנקורענציע האט זיך דארטען אפגעשפיעלט לעצטען פרייטאג, ווען ס׳איז דארטען געשטאר־בען אן עלטערער איד מיט׳ן נאמען גאל־דין. עס איז געווען דער וואונש פון דעם אלטען מר. גאלדין ע״ה ביים לעבען, אז מ׳זאל איהם באערדיגען אויפ׳ן אלטען בית־עולם, וואס באלאנגט צו דער נייער חברה, ווייל דארטען ליגט זיין פרוי, און נאך נאהענטע קרובים.

איז אבער א צרה: מר. גאלדינ׳ס זיהן ווענען נים „שוה בשוה״ מיט דער „רעבע־לירענדער מאכט״. אבער א צוואה פון טא־טען דארף מען פאלגען, און זיי זיינען אוועק צו די „רעבעלען״ פרעגען: „מה יקר?״

אויף דעם האט די חברה קדישא פון די „רעבעלען״ געענטפערט, אז זיי ווילען נים מעהר און נים וועניגער ווי צוויי הונ־דערט טולער קעש. טאמער $199 קעש און איין דאלאר „טראסט״ ריהרען זיי נים דעם מת פון ארט.

האבען די זיהן דערזעהן, אז דא געהט אין עקשנות, האבען זיי באשלאסען צו ברעכען דעם טאטענס צוואה און געהן צום „אלטען רעזשים״. זיי זייגען געווען זי־כער, אז דער טאטע וועט זיי מוחל זיין...

די „אלטע מאכט״ האט יי אויפגענו־מען בכבוד גדול און צוגעזאגט מאכען דעם השוב פאר א „ליטל נאטהינג״. א כלל — מ׳גראבט א קבר.

אזוי שנעל ווי די „רעבעלען״ האבען דערהערט אז מ׳גראבט שוין, האבען זיי באשלאסען ארונטערצולאזען פון פרויז און זיינען נאך געקומען מיט גאנצע טענות צו די זיהן פונם ברמנן:

— סטייטש! סטייטש! מר. גאלדין, אזא פיינער איד געווען, אזא למדן, אזא בעל־צדקה — וועט ליגען אויף א „גוי־אישען״ בית עולם!...

— ס׳וועט אזוי נים זיין! — האבען די „רעבעלען״ געשריהען.

— ס׳וועט יא אזוי זיין! — האבען זיך די אלטע געררייצט...

— און — ביידע גלייך האבען גענו־מען גראבען קברים...

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די חברה פון „אלטען רעזשים״ באשטעהט פון גרעסערע בריות און סא׳יז זיי געלונגען אריינצוקריגען דעם מת אין זייערע הענט.

און דער שלום איז: דער קבר פון דיא „נייע״ איז געבליבען אהן א מת.

אט דאס קען פאסירען נאר ביי אי־דען!...

א גרוס פון מאקאראו קיעווער גובערניע

א שוידערליכער בריעף פון אונזער אל־טער היים איז ערהאלטען געווארען און שנעלע שטיצע איז נויטיג. דארום קומט און לאמיר זיך בעראטען וואס צו טאן.

דער מיטינג וועט זיין זונטאג דעם 7־טען מארטש ביי סעם רא־זענבערג, 286 איסט ווארען

לאזען די צרות פון אונזערע ליידענדע ברידער און שוועסטער אייך נים לאזען גלייכגילטיג.

קאפלאנ׳ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטרים

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־גענדע ליינס:

קאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בער ספרעדס, קויר־טענס; טייבעל קאווערס; שעטס און סקארפס. קאמפלים ליין אין ליידים פעל־ טי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! — ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס. א קאמפלים ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

גרענד טשאריטי

באל

ווערט געגעבען ביי די

לידיעס פון דעטראיט

שבת אווענט דעם 6טען מארטש אין שרייבערס האלל

הייסטינגס קאר. אווסקין

דיעזער באלל ווערט געגעבען אום ארויס־צוהעלפען א פרוי מיט זעקס קינדער פון א הונגער טויט. עס איז איבעריג אייך צו בעטען, דער צוועק רעדט פאר זיך אליין.

קאהן יוניאן ארקעסטער האט דאנייטעד די מוזיק פאר דיזען אווענט.

טיקעטס 35 סענט

באברויסקער לאנדסלייט און אומגעגענד אויפמערקזאם

אונזער סעקרעטער פר. הארדעס האט ערהאלטען א קייבעל פון באברויסק, מיטוואך דעם 3־טען פעב.

שטאטפינרען זונטאג רעסוסהאמב פנקדע זרדאמב וסלהרע וסלהרצי סלהרצהך איהר זייט אויפגעפאדערט צו קומען צום

ספעשיאל מיטינג

וואס וועט שטאטפינרען זונטאג דעם 7־טען פעב. 3 אוהר נ. מ. אין היברו אינסטי־טוט, 204 הענקאק.

אייער אנוועזענד איז אומבעדינגט נויטיג ווייל מיר מוזען באשליסען וואס צו טאן מיט די געלט וואס מיר האבען אין טרעושורי.

אכטונגספאל,

די קאמיטע.

האט איר ריעל עסטייט צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפע פאר דער העכסטער פרייז דורך די „צו פארקויפען״ ארם פון „וועג״

Phone Main 3715

איבער אלעס



יעדער מאן רויכערט דאס

Panama Cigar Mf'rs, Makers

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50

די דיסארגאניזירטע אוקראינער הילפס ארבייט אין דעטראיט

עס זיינען זיך שוין צעפאהרען די דעלעגאטען פון די אוקראינער פארייינען פון זייער קאנפערענץ אין פילאדעלפיא. מיר האבען נאך נישט קיין גענויע ידיעה פון דעם גאנג פון דער קאנפערענץ. אבער מיר ווייסען אז נגער זיינען פארבונדען געווארען די פארשיעדענע ארגאניזאציעס און פאראיינען, וועלכע זיינען טעטיג אין אמעריקא איך צו שאפען הילף פאר דעם אידישען שארית הפליטה פון אוקראינע.

אין דאך דאס געהען דער הויפט צוועק פון דעם „פארבאנד פון די אוקראינער אידען אין אמעריקא"; האבען זיי דאך ספעציעל אום דעם פאראייניגונג די דאזיגע קערפערשאפט באשאפען. און צוליעב דעם זעלבען צוועק, הענקען מיר, איז די קאנווענשאן אין פילאדעלפיא איינבארופען געווארען.

עס מעג באדויערט ווערען וואס דעם פארבאנד האט זיך ביז יעצט נישט איינגענעבען צוזאמענצוברענגען די אלע פארשטעהער פון אוקראינער פאראייינען איבערן גאנצען לאנד צו איין פארזאמלונג, כדי ארומצורעדען די וויכטיגקייט פון א פאראייניגטער ארבייט און איסצוזוכען פלענער פאר א געמיינשאפטליכער טעטיגקייט פאר דעם אידענטום וואס באדט זיך אין בלוט אין דעם לאנד פון די הייראמאקעס.

אין דאס ביז אהער נישט געטאן געווארען, איז דאס זיכערליך געטאן געווארען אויף דער קאנפערענץ אין פילאדעלפיא. עס ווילט זיך גלייבען און האפען אז די פארשמעלצונג פון אלע באזונדערע אוקראינער פאראייינען איבער'ן לאנד איז געשאפען געווארען סוף פאריגען חודש אין פילאדעלפיא; אין דער זעלבער צייט איז אויך געשאפען געווארען די קאנצענטרירונג פון אלע הילפס ארגאניזאציעס, וואס באצוועקען צו רעטען די אידען אין אוקראינע פון אונטערגאנג און הונגער טויט.

איז אזא פארשמעלצונג פאראן אויך ביי אונז אין שטאדט?

לאמיר זיך דא קלאהר ארויסזאגען:

אונזערע קרובים און חברים אין אוקראינע ווארטען אויף אונזער הילף. דיזע הילף דארף זיי געגעבען ווערען אויף א פלאנמעסיגען אופן. יעדע שטאדט וואס וועט נישט זיין ארגאניזירט, וועט באין אופן נישט קענען שאפען הילף אין אזא גרויס ווי ווען זי וואלט יא ארגאניזירט געווען.

עס איז שוין איצט גיט נויטיג צו פאפולאריזירען די נויטווענדיגקייט פון ארגאניזאציע. עס וויס שוין היינט א איינגעל אפילו, אז יעדער היס־ארגאניזירטער צושטאנד אין א פאראיין, הילפס־ארגאניזאציע, פארבאנד וכדומה ברענגט מעהר שאדען ווי נוצען.

דער „פארבאנד פון די אוקראינער אידען אין אמעריקא" איז געשאפען געווארען מיט דעם צוועק צו פאראייניגען אלע באזונדערע לאנדסמאנשאפטען אין איין ארגאניזירטער ארגאניזאציע.

די לאנדסמאנשאפטען אין נויארק זיינען פאראייניגט אונטער דעם פארבאנד; די לאנדסמאנשאפטען אין אנדערע שטעדט, ווי שיקאגא, פילאדעלפיא, קליוולאנד א. ד. ג. זייען פאראייניגט צווישען זיך אונטער איין פיהרער וועלכער טראגט פולע התחיבות'ן צום נויארקער פארבאנד.

אזוי איז עס אומעטום.

נאר נישט אין דעטראיט.

דוקא ערב דעם צוזאמענפאהר אין פילאדעלפיא איז דער היגער פארבאנד, וועלכער איז, אדער דארף כולל זיין אלע לאנדסמאנשאפטען אין דעטראיט, צעריסען געווארען אין זיינע מיטגליעדער האבען זיך צעטיילט.

מיר קענען נישט זאגען אקוראט די איינצעלהייטען וואס האבען געפיהרט צו דעם צעריסענקייט.

מיר וואלטען זעהר נישט וועלען אריינגעהן אין איינצעלנע פרטים אפילו ווען מיר וואלטען זיי יא געוואוסט, ווייל מיר האבען כלל נישט בדעה צו בארעכטיגען צדדים, אדער מודה זיין אז דער צי יענער צד האט געהאנדעלט ווי עס האט זיך געפאהערט.

ווארים קיין שום בארעכטיגונג איז פאר אזא צעריסענקייט ניטא.

ווען מען טוט א טראכט וועגען דער מורא'דיגער לאגע פון די אידען אין אוקראינע, מוז מען דעמאלט אנבאפען יעדען צד ביי די לאצען און איהם ארייזשרייען אין פנים אריין: אויב איהר פארגינט זיך אין אזא צייט צו שפיעלען צו'להכעיס'ן, און אויב איהר האט אין אזא מאמענט אין זינען פערזענליכע אמביציעס, דאן טאר מען אייערע מאטיווען נישט אויסהערען און אהן שום טענות און טענות איך האלטען פאראנטווארטליך פאר דער צעריסענקייט.

מען איז געקומען צו אונז און אונז פארגעלעגט צוזאמענצורופען א פארזאמלונג און גרינדען א דריטען אוקראינעם פאראיין, אדער פארבאנד. מיר האבען זיך דעהפון ענטזאגט און אפילו נישט געהאלט דרוקען פאר געלד אן אדווערטייזמענט פאר א גרינדונגס פארזאמלונג פאר א דריטען פאראיין, ווייל מיר ווייסען ווי גרויס עס איז דער פארברעכען ווען אין איצטיגען מאמענט זוכט מען אריינצוברענגען דיסארגאניזאציע און דיסהארמאניע אין אזא פאראנטווארטליכער און נויטיגער ארבייט.

אבער מיר נעהמען זיך די פולע רעכט אויפצופאדערן די אוקראינער פאראיינען אין דעטראיט זיי זאלען אהעקלעגען זייערע פערזענליכע קריוודעס אן א זייט און זאלען צוריק אויפבויען איין פעסטע ארגאניזאציע, וואס זאל פאראייניגען און פארשמעלצען די הילפס ארבייט פון די היגע לאנדסמאנשאפטען.

און מיר ווילען מוסיף זיין, אז יעדער טאג וואס געהט פארביי און די היגע אוקראינער הילפס־ארבייט איז דיסארגאניזירט, ברענגט דאס שאדען די אוקראינער אידען.

זיינען די אידען אין אוקראינע ווייניג געשטראפט און געפלאגט? ליידען זיי דען ווייניג פון כל ערליי הייראמאקעס אז זיי דארפען נאך ליידען פון דעטראיט'ער דיסארגאניזאציע?

אונטערן האמער

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון חיים הורוויץ

ווילסאן זייענדיג דעם לעצטען מאל אין יוראפ האט זיך דארט ארומגעטראגען צו יעדען איינעם מיט א טעלער שלח מנות וואס איז באשטאנען פון 14 פונקטען, אויס העפליכקייט אבער האט קיינער פון דער טעלער גארניט אראפגענומען... מען האט בלויז צוגעלעגט ווער א גאלדען הפין און ווער אן אויסגעשטריקטע טישטובעל פאר מרס. ווילסאן... און מיט דעם זיינען זיי צוריק געקומען.

א רעגעלער פורים שפיעל חלעבען...

* * *

ווי עס ווייזט אויס האט המן געמוזט שרייבען אין די צייטונגען אויך, ווען ניט וואלט ער דאך דעם פסעוודאנים ממוכן נים געהאט...

* * *

איצט ווען א פלעשעל שנאפס און ביער איז איקר המציאות אין אמעריקא וואלט זיך וועלען פרעגען צו וואס דארף מען איינגאנצען האבען די אמעריקאנער קאנסטיטושאן וועלכע ווערט סאי ווי ניט אפגעהיט ווען מען קען אפילו א פלעשעל דערמיט ניט פארשטאפען...

(לציר על פי צליחותא).

* * *

די פראנצויזישע פרויען האבען ארויסגעבראכט א נייע מאדע — ניט טראגען קיין זאקען.

זעהט איהר דאס איז שוין באמת א בריה'שאפט אראפצווארפען פון זיך די זאקען און ניט ארפלאזען דערביי קיין „אויגלאך"...

* * *

דער חילוק לאמיר זאגען פון איינעם וואס ווערט געהאנגען פון די דזשענטעלמען פון די סאוט, און פון איינעם וואס „הענגט" אין א קאר באשטעהט אין דעם וואס ביי דעם ערשטען שטעקט ארויס א צונג דער געהאנגענער, און ביים צווייטען — די קאר קאמפאני...

* * *

אויף א דאקטאר אין דער איצטיגער צייט פון עפידעמיעס קען מען זיך ניט דערווארטען, פונקט ווי אויף משיח'ן, מעג ער זיך אפילו ניט שלעפען אויף א ווייסען עזעל נור פאהרען אין דעם מאדערנעם פעקארט אטאמאביל.

* * *

נאסקייט פארווזאכט צו ווערען אנגעשטעקט פון די „פלו", און דאס וואס אמעריקא איז טרוקען איז דוקא א שטערונג צו היילען דיעזלבע קראנקהייט. — אזוי זאגען די דאקטוירים.

די לאנגע פון דעטראיטער סקוהל־טיטשערס

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון א. סניטקאווער

מען גיט אן עצה אונזערע טיטשערס פון די דעטראיטער פאבליק סקוהלס צו צוארבייטען אביסעל ביי נאכט און זיי וועלען האבען גענוג צו מאכען א לעבען.

דאס אליין איז שוין א געגונגענדער פאקט, אז מיט דעם געהאלט וואס זיי באקומען פון לערנען אונזערע קינדער קענען זיי ניט אויסקומען אנצופיהרען א צופרידען, גליקליך לעבען, ווייל אנדערע וואלט מען דאך איינעם ניט אנגעבאטען קיין נאכט ארבייט, נאכדעם ווי ער האט אפגעארבייט זיין טאג.

אבער שטעלט איך פאר אין וואס פאר א לאגע עס שטעלט אונז אליין אוועק! וואס פאר אן ערנידערונג און באליידיגונג דאס איז פאר אונז אליין!

מיר ווערען אנגעקלאגט אז מיר זענען ניט אימשטאנד אדער מיר ווילען פשוט נישט צו צאהלען די לעהרער א געהאלט וואס זאל גענוגען א לעבען צו מאכען.

שולד איז געוויס ניט פון דעם „טעקס"־צאהלער. ער באגרייפט אז ער מוז צאהלען די לעהרער א גענוגענדע סומע, אויב ער וויל ניט, אז די לעהרערס־טעמע זאל אראפזינקען צו א שפל'דיגער מדרגה.

און ווען „די בארד אוו עדיוקיישאן" האט פארלאנגט א „באנוס" פאר די לעהרער, האט זיך קיין איין שטימע פון פראטעסט אפילו ניט געהערט. דער מעיאר, און זיין ניערינקייט צו זעהן אז די בירגער זאלען צאהלען וואס קלענערע טעקסעס האט דעם עסטימייט פון דעם בורזשעט ארונטערגעשניטען, אבער די לעהרער זענען באריט אנצונעהן מיט זייער ארבייט און האפען נאך אלץ אז זיי וועלען פיליכט קענען אויסקומען מיט זייער קלעגליכען געהאלט.

עס איז אבער א פראגע פאר דער שטאטישער רעגירונג צו באשליסען אויב עס איז ווינשענסווערט צו ערלויבען די לעהרער אנצונעמען נאכט־ארבייט.

קיינער אין דער וועלט איז ניט אימשטאנד צו ארבייטען א גאנצען טאג ביז שפעט אין דער נאכט אום ניט אנגעמאטערט צו ווערען. די ארבייט אין די שולען פאדערט און מוז קריגען דאס בעסטע וואס עס איז פאראן אין דעם לעהרער. דער פארשלאגענער „באנוס" וואלט זיך קיינמאל ניט געווען געפיהלט ביי דעם בירגער, בעת'ן צאהלען די טעקסעס, אבער דעם לעהרער'ס איינגעמאטערטקייט וועט זיך שטארק אפרופען, און וועט זיך פיהלען אויף דער ערציהונג פון אונזערע קינדער.

און אין דיזען פרט גילט ניט דער כלל, אז א פעני געשפארט איז א פעני געוואונען, גיבער קען דאס הייסען, איין סענט געשפארט הונדערט דאלאר פארלארען.

וואס טהאן מיר מיט אונזערע געשפארטע סענטען?

מיר שטרעבען צו לאזען ירושה פאר אונזערע קינדער.

אבער וואס איז א ירושה פון דאלארס, פון הונדערטערס, ווען מיר גיבען ניט אונזערע קינדער קיין גייסטיגען באגאזש אין זייער לאנגען לעבענס וועג? וואס פאר א באטרעף וועט האבען דער צוקונפטיגער דעטראיטער בירגער — דאס היינטיגע קינד אהן סיסטעמאטישער בילדונג, אהן א רעכטיגער עלעמענטארער ערציהונג?

און דאס דארף פארשטאנען ווערען, אז וואס מעהר דער לעהרער וועט דארפען ארבייטען ביי נאכט, דעסטא אויסגעמאטערטער וועט ער זיין דעם צווייטען טאג, און ווער ווייס וויפיעל פעהיגע לעהרער וועלען זיך נאר אין גיכען ארומזעהן, אז זיי קענען זייער אינטעליגענץ, זייער מארך, אליין בעסער אויסנוצען פונקט ווי עס נוצט אויס די אינטעליגענץ און די גייסטיגע מוסקולען יעדער קאפיטאליסט, יעדער אונטערנעמער! און דאן? ווער ווייס, וואס פאר א קאריקאטורען אויסזעהן עס וועלען האבען אונזערע היינטיגע פאבליק שולען?

ווער ווייסט ווי צוריקגעשטאנען עס וועט בלייבען דאס דעטראיטער קינד אנטקעגען דעם קליוולאנדער, דעם שיקאגאער? עס קען דאך פאסירען, אז א דעטראיט'ער קינד זאל זיך שפעטער דארפען שעהמען צו זאגען: איך בין אויפגעצויגען געווארען אין א דעטראיטער שולע!

און דאס זאל געשעהן אין אונזער דעטראיט?

די דעטראיט וואס איז געוואוינט אין אלעם צו געהן „אוועד דהי טאפ".

ראכט זיך אז עהשט ניט לאנג ווען מיר האבען געקעמפיינעוועט פאר פארשיעדענע וואלטעטיגע און פאטריאטישע צוועקען, ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום א „וואר'טשעסט" און מיר האבען געדארפט מיליאנען שאפען אין דעטראיט אליין האבען מיר זיי געשאפען אין א טאג!

אין פארלויף פון 24 שטונדען, האבען מיר באוויזען, אז מיר פארשטעהן דעם רוף פון דער צייט!

ווער עס האט געגלויבט און אפילו ווער עס האט ניט געגלויבט, איז געקרמען און האט געבראכט מיט דער פולער האנט, האט זיך ניט א קרים געטהאן און ווער עס האט זיך אפילו אונטערגעפילט צו ברענגען, האבען מיר זיך צוטיילט אין א פרייוויליגער ארמעע און מיר זענען געגאנגען צו איהם אהיים, אין געשעפט אריין, אדער אין טעאטער וואוהין ער איז זיך געקומען אמוזירען, און אין „4" מינוטען צייט האבען מיר איהם איבערצייגט, אז ער דארף טהאן זיין חוב צו זיין פאלק, צו זיין לאנד, און עס האט געהאלפען.

און איצט — מיט אמאל זענען מיר געווארען אזוי קליינליך אזוי אויסגערעכענט, קרעמעריש קליינליך און האבען מורא, אז די לעהרער וועלען אונז אויפעסען, און דעריבער ווילען מיר זיי בעסער ערלויבען נאכט ארבייט איידער זיי צו העכערען דאס געהאלט דורכדעם וואס אויף אונזערע טעקסעס וועט זיך אנקלייבען א סענט מעהר.

ווען מיר קומען צו דער טיר פון דעם טעאטער, פון דער „מואוו" ווילען מיר דעם בעסטען, שעהנסטען פלאץ, מיר דינגען זיך נאר ניט. ווען מיר קומען אין רעסטאראן, זוכען מיר ניט וואס ביליגער איז, נאר וואס בעסער איז. געלט איז קיין אפהאלט ניט, און ווען מיר האבען קינדער צו פארזארגען מאכען מיר אזא נעפעהרליכען טעות און געהן אומגליקליך מאכען אונזער קינד דורך א סענט וואס מיר ווילען אפשפארען פון זיינע פארדינסטען.

ניטא ווער עס זאל א ציה טהאן דעטראיט ביי די האר און איהר א טרייסעל טהאן, אזוי אז זי זאל דערזעהן דעם גרעסטען אונזין, די טראגיש־לעכערליכע ראלע אין וועלכע זי שטעלט זיך אוועק בנוגע דער פראגע פון געהאלט פאר איהר פאבליק שול־לעהרער.

דאס בעסטע מיטעל ווי צו לעזען די פראגע וואלטען געקענט זיין די קינדער אליין. ווען מען זאל ביי די קינדער א פרעג טהאן:

— דארף א לעהרער מאכען א שעהן לעבען? דארף ער זיך אויסרוהען די נאכט?

דאן זענען מיר זיכער אז עס וואלטען ניט געווען קיין צוויי ענטפערס, און דער איינציגער לאגישער, נאטירליכער ענטפער וואלט געווען: געוויס!

דער לעהרער, מעהר ווי אירגענד וועלכער ארבייטער איז בארעכטיגט צו א מאטעריעלער פארזיכערונג, און דעריבער, אלזא, מוזען מיר נעמען אין אנבאטראכט די איצטיגע לאגע פון די דעטראיטער פאבליק־סקוהל טיטשערס.

נים קיין נאכט ארבייט, נאר גוט באצאהלט פאר דעם טאג־ארבייט, מוז דער לעהרער באקומען.

ליעדער

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון ארטהור עסעלין

מיינע בלומען

היינט מארגען — וועט דער שניי קומען.
מיט זיין קאלטען אטעם אלע בלומען טויטען.
וועלען אונטען פוילען מיינע צארטע בלומען
אייבען — וועט א העלע דעק זיך שפרייטען.

וועט די גוטע זון דעם אבור דאס נים שווייגען,
וועט די ווייסע מאסקע ערטערוויז צערייסען.
„מערדער!" וועט זי איהם אין קאלטען פנים זאגען —
און די שווארצע קברים פאר דער וועלט באווייזען.

די איבערלעבונג

און אלעם וועט ווערען פארלארען, פארגעסען,
פארבלייבען וועט אפשר א שאטען...
ואס אירדיש און מיר וועט מיט ערד זיך צעמישען,
אין קבר פארשטומט און פארשאטען.

נאר נים מיין ליעבע, די הייליגע, טיעפע —
א מלאך וועט זיין איהר באשיצער,
טראפענווייז וועט ער אין בלומען עס טריפען,
אין טויבען, און אין מאמישע הערצער.

איך בין ווי דו

איך בין ווי דו, מיין פאלק,
דיין מזל האט מיר גאט געגעבען.
דער שונא איז מיין רייכטום מיר מקנא,
דאך מיר איז ביטער און טרויעריג מיין לעבען.

איך בין ווי דו, מיין פאלק,
איך וואוין מיט גוטער־שלעכטערמענטשען,
עס טרעפט מיך שווער די קללה פונ'ם שלעכטען,
פון גוטען — הער איך נים דאס בענשען...

איך בין ווי דו, מיין פאלק,
מיט פרויסע לייט פארבונדען...
א שמייכעל טראג איך ברייט אויף מיינע ליפען,
אין הארצען — טיעפע וואונדען...

ווער איז וועמען שולדיג?

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון ישראל ראבינאוויטש

(א. פאר באמערקונגען מכח אידישע פאלקס מעלאדיען)

1

אומגעפעהר עמפפינדליך איז דאס אידישע געוויסען; עס פלאנט אויף יעדער אומרעכט און אויף דער מינדעסטער עברה'לע.

א אידישע ראדיקאל וועט אייך מקריב זיין די געשמאקסטע פסח'דיגע קניידלאך אויף דעם מזבח פון אינטערנאציאנאלער ברודערליכקייט, און ווענען דעם אויפריכטיג־פרומען אידען איז שוין אפגערעדט: — ער איז גרייט צו שפרינגען אין פייער, אבי דאס געוויסען ריין צו האלטען.

דאס אידישע געוויסען פלאנט אויף אלע אומרעכטען, וואס ווערען באגאנגען און וואס דארפען נאך ערשט באגאנגען ווערען.

און דערפאר איז מען ביי אונז פריימער פון דעם פאבסט; און דערפאר נעהמט אונז ניט איין קיין פארגעניגען.

עס איז לעצטענס געווארען א מארע אין די קרייזען, וואו עס ווערט מיט התלהבות געזונגען אידישע פאלק־ליעדער און פאלקס־מעלאדיען, ארינצושלעפען א „זכר־לחורבן" און סאמע עקסטאז, אין יועל בען די אידישע פאלקס־לידער שלעפען אריין, און מיטען זינגען הויבט דאס פרומע געוויסען אן צו פלאנען און עס שטעלט זיך די קשיה: איז דאס אידיש?...

פאר א אידען איז נאך ווייניג, אז ער האט הנאה. ער מוז האבען א הכשר־לייבעל אננעקלעפט אויף דעם געשמאקען מאכל, — אנדערש נעהט עס איהם ניט איין. עס מוז זיין כשר על פי דין און על פי יושר און — אויב לפנים משורת הדין — איז אודאי גוט.

און דערמיט שטעמפעלט זיך אפ אונזערע בראבנאראמאליטעט. אונזער געוויסען פלאנעניש דערנעהט שוין צייטענווייז ביז „קרענקיזם" און דער „זכר־לחורבן" שטערט יעדע שמחה פון דעם היינטיגען פראגרעסיווען נאציאנאליסט, פונקט ווי ער האט אמאל געשטערט יעדען עונג פון דעם פארנאטישען פרומען.

ביי א נארמאל פאלק קענט איהר זיך אזא געוויסען־פלאגעניש ניט פארשטעלען, ביי זיי פלאנט שוין דאס געוויסען אביסעל צו ווייניג...

אבער גליקליכער ווי מיר זענען זיי.

ווען דאס געוויסען פון דער גאנצער קריסטליכער וועלט זאל אין א שעהנעם פריהמארגען אנהויבען פלאגען אויף דעם אורשפרונג פון זייערע קלויסטערישע זינגערייען, וואלטען זיי געדארפט זיך אפזאגען פון די נגונים. מיט וועלכע זיי זינגען די פסאלמען און עס אומקעהרען צוריק אין יענעם פלאץ, וואו זיי האבען זייער גאט און זייער משיח גענומען.

און דאס איז ניט סתם א באהויפטונג, נאר א היסטארישער אמת, באגרינדעט אויף לאגישע ראיות.

די קאטוילישע קירכע פארמאגט א גאנצע קאלעקציע פון פסאלם־נגונים, וועלכע זענען באקאנט אלס די „גרעגאריאנישע נגונים" („גרעגאריען טשאנטס"). ווענען די דאזיגע נגונים איז שוין אנגעשריבען געווארען א גאנצע ליטעראטור. עס איז פאר קיינעם קיין צווייפעל ניט, אז לויט זייער גוסט און מוזיקאלישע פארם, איז די דאזיגע קאלעקציע אן אנטיק פון די אוראלטע צייטען.

עס ווערט פון היסטאריקער אויפגעוויזען, אז נאך איידער קעניג קאנסטאנטין האט אנגענומען דעם צלם, האבען שוין די פאהפאלגטע און גערודפטע פארשפרייטער פון קריסטענטום געזונגען דעם תהילים מיט די זעלבינע נגונים. און ווער זענען געווען די ערשטע פארשפרייטער פונ'ם קריסטליכען גלויבען, אויב ניט אידען?

עס זענען פאראן אומצעהליגע ראיות, אז די גאנצע מוזיק אין די מיטעלאלטערליכע צייטען ביז דעם אנפאנג פון 16טען יאהר־הונדערט, וועלכע איז געלעגען אונטער דער קאנטראל פון דער קירכע, האט זיך האט זיך געהאלטען אין די ראמען פון אט די אידישע פסאלם־נגונים, ווייל אנדערש זיינגען איז געווען א זינד קעגען גאט און דעם נוצרי.

וואס פאר א געוואלדיגע השפעה אט דער דאזיגער געשיכטליכער פראצעס האט עס געדארפט אויסאיבען אויף דער ענטוויקלונג פון דער מוזיקאלישער קונסט אין אלגעמיין, און דער עיקר: ווי אידיש די דאזיגע השפעה איז געווען!...

און דאס געוויסען פון דער קריסטליכער וועלט הויבט פון דעסטוועגען ניט אן צו פלאגען און זי באטראכט זיך אלס די אמת'ע באלעבאסטע איבער אלעם וואס זי האט אנגעזאמעלט ניט פרעגענדיג פון וואנען און פון וואס.

און ביי אונז, אז מיר כאפען זיך, אז דער אדער יענער נגון קלינגט אביסעלע מאלארוסיש, אדער וואלאכיש איז — הימעל עפען זיך, סטייטש, סטייטש: „אידישע פאלקס־לידער — דרשה'ט איינער — „זענען ניט אידיש" זיי זענען וואלאכיש. קומט א צווייטער און פאטאקעוועט און גיט נאך צו: „אידישע פאלקס־מעלאדיען זענען מוזיקאליש ניט דייך". — קורץ — כאטש נעם און זינג „מאוי'קע מיין קינד" און שהנליכע הארציגע מעלאדיען מיט א וועהטאג אין הארצען און מיט א „זכר־לחורבן" אויסגעדריקט אויפ'ן פנים.

ווי נאריש דאס איז!

זיך צו ענטזאגען פון די אידישע פאלקס־לידער און פאלקס־נגונים, איז פונקט אזוי נאריש און פונקט אזוי אומגליך ווי זיך צו ענטזאגען פון דער אידישער שפראך, און אפשר נאך אומגליקלעכער און נאך נארישער.

ווי לאנג איז עס ערשט געווען, ווען פרץ און י. ל. פרץ זענען געווען איבערצייגט, אז פון דעם אידישען „זשארגאן" וועט שוין קיין „לייט" ניט זיין, און אז צו גוטער פאעזיע וועט עס קיין מאל ניט טויגען. נו, זענען אוועק בלויז א פאר צעהנדליג יאהר און עס זענען געקומען יהואש, מ. ל. האלפערן און יצחק רייז און באוויזען אז די אידישע שפראך האט יא „טעם און קלאנג".

און ס'איז שוין היינטיגע צייטען א בעלנות צו זאגען, אז די אידישע שפראך איז א זשארגאן און א פרעמדע שפחה.

אין צייטען פון דראטלאזער טעלעגראפיע, לופט־שיפען און אלע אנדערע קאמוניקאציאנס־מיטלען, וואס האלטען אין קאנטאקט איין עק וועלט מיט'ן צווייטען איז פשוט א פיזישע אומעגליכקייט אפילו פאר א נאהענטען פאלק זיך צו פארשפארען אין די איילענע דלד־אומות און ניט באאיינפלוסט ווערען פון דער ארומיגער וועלט, א פשיטה שוין מיר, אידען, וואס זענען — ווי לייוואק וואלט געזאגט — „אומעטום און אין ערגיץ ניט"...

זיכער איז אין אונזער פאלקס ליעדער פאראן אן עלעמענט וואס איז ענטנומען פון „ערגעץ אנדערש". אבער אין יענעם „ערגעץ אנדערש" האבען מיר דאך געלעבט, און זאגאר זיך צוגעפאסט. אויב מיר האבען זיך ניט צוגעפאסט אין גאנצען איז דאך דאס טאקע דער סוד, וואדום מיר זענען געבליבען אידען; און אט דאס ניט קענען אין גאנצען זיך צופאסען שטעמפעלט זיך טאקע גאנץ פיין אפ אויף יעדען „פרעמדען" נגון, וואס האט זיך געאידישט אין די הערצער פון פאלק.

מ'מוז נאטירליך צוגעבען, אז עס האבען זיך צו אונז — צוליעב געוויסע געשעהענישען אין אונזער פאלקס־לעבען — אריינגעריסען אייניגע נגונים, וועלכע זענען געבליבען גויאיש, שוין דערפאר אליין, ווייל זיי האבען לכתחילה נים אנגענומען די הערצער פון פאלק, און די אידישע נשמה האט זיי נאך נים דערפיהלט ביז היינטיגען טאג. דער ניגון פון „התקוה" איז איינער פון אט די אומגליקליכע נינונים. אום א מעלאדיע זאל אפעלירען צו דער אידישער נשמה, דארף זי, קודם כל, ענטהאלטען דעם עלעמענט פון עקסטאז — אבער וועגען דעם וועט זיך גיינען א באזונדער ארטיקעל.

ביז...

רעשענעל, דער נייער פראנצויזישער פרעזידענט, האט פייערליך ערקלעהרט, אז ענגלאנד און פראנקרייך וועלען בלייבען פארבונדען אויף אייביג" —

כו זיי וועלען זיך אפבינדען!...

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50

די דיסאָרגאַניזירטע אוקראַינער הילפּס ארבייט אין דעטראָיט

עס זיינען זיך שוין צופאָהרען די דעלעגאַטען פון די אוקראַינער פאַראיינען פון זייער קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיא. מיר האָבען נאָך נישט קיין גענויע ידיעה פון דעם גאַנג פון דער קאָנפערענץ. אָבער מיר ווייסען אז דאָרט זיינען פאַרבונדען געוואָרען די פאַרשיעדענע אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען, וועלכע זיינען טעטיג אין אַמעריקא איף צו שאַפען הילף פאַר דעם אידישען שארית הפליטה פון אוקראַינע.

איז דאָך דאָס געווען דער הויפּט צוועק פון דעם „פאַרבאַנד פון די אוקראַינער אידען אין אַמעריקא"; האָבען זיי דאָך ספּעציעל אום דעם פאַראייניגונג די דאָזיגע קאָרפּערשאַפט באַשאַפען און צוליעב דעם זעלבען צוועק, רעכענען מיר, איז די קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע איינבאַרופען געוואָרען.

עס מעג באַדויערט ווערען וואָס דעם פאַרבאַנד האָט זיך ביז יעצט נישט איינגעגעבען צוזאַמענצוברענגען די אַלע פאַרשטעהער פון אוקראַינער פאַראיינען איבערן גאַנצען לאַנד צו איין פאַרזאַמלונג, כדי ארומצוריידען די וויכטיגקייט פון א פאַראייניגטער ארבייט און אויסצוזוכען פּלענער פאַר א געמיינשאַפטליכער טעטיגקייט פאַר דעם אידענטום וואָס באַדט זיך אין בלוט אין דעם לאַנד פון די הייזמאַקעס.

איז דאָס ביז אַהער נישט געטאָן געוואָרען, איז דאָס זיכערליך געטאָן געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיא. עס ווילט זיך גלויבען און האָפען אז די פאַרשמעלצונג פון אַלע באַזונדערע אוקראַינער פאַראיינען איבער'ן לאַנד איז געשאַפען געוואָרען סוף פאַריגען חודש אין פילאַדעלפיא; אין דער זעלבער צייט איז אייך געשאַפען געוואָרען די קאָנצענטרירונג פון אַלע הילפס אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַצוועקען צו ראַטעווען די אידען אין אוקראַינע פון אונטערגאַנג און הונגער טויט.

איז אַזאַ פאַרשמעלצונג פאַראַן אויך ביי אונז אין שטאָדט?

לאָמיר זיך דאָ קלאָהר אַרויסזאָגען:

אונזערע קרובים און חברים אין אוקראַינע וואַרטען אויף אונזער הילף. דיזע הילף דאַרף זיי געגעבען ווערען אויף א פּלאַנמעסיגען אופן. יעדע שטאָדט וואָס וועט נישט זיין אָרגאַניזירט, וועט באַין אופן נישט קענען שאַפען הילף אין אַזאַ גרויס ווי ווען זי וואָלט יאָ אָרגאַניזירט געווען.

עס איז שוין איצט ניט נייטיג צו פּאָפּולאַריזירען די נויטווענדיגקייט פון אָרגאַניזאַציע. עס ווייס שוין היינט א אינגעל אפילו, אז יעדער דיסאָרגאַניזירטער צושטאַנד אין א פאַראיין, הילפס־אָרגאַניזאַציע, פאַרבאַנד וכדומה ברענגט מעהר שאַדען ווי נוצען.

דער „פאַרבאַנד פון די אוקראַינער אידען אין אַמעריקא" איז געשאַפען געוואָרען מיט דעם צוועק צו פאַראייניגען אַלע באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטען אין איין אָרגאַניזירטער אָרגאַניזאַציע.

די לאַנדסמאַנשאַפטען אין ניויאָרק זיינען פאַראייניגט אונטער דעם פאַרבאַנד; די לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַנדערע שטעדט, ווי שיקאַגאָ, פילאַדעלפיא, קליוולאַנד א. ד. ג. זיינען פאַראייניגט צווישען זיך אונטער איין פיהרער וועלכער טראָגט פולע התחיבות'ן צום ניויאָרקער פאַרבאַנד.

אַזוי איז עס אומעטום.

נאָר נישט אין דעטראָיט.

דוקא ערב דעם צוזאַמענפאָהר אין פילאַדעלפיע איז דער היגער פאַרבאַנד, וועלכער איז, אָדער דאַרף כולל זיין אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען אין דעטראָיט, צעריסען געוואָרען און זיינע מיטגליעדער האָבען זיך צעטיילט.

מיר קענען נישט זאָגען אקוראַט די איינצעלהייטען וואָס האָבען געפיהרט צו דעם צעריסענקייט.

מיר וואָלטען זעהר נישט וועלען אריינגעהן אין איינצעלנע פּרטים אפילו ווען מיר וואָלטען זיי יאָ געוואוסט, ווייל מיר האָבען כלל נישט בדעה צו באַהעלפיגען צדדים. אָדער מודה זיין אז דער צי יענער צד האָט געהאַנדעלט ווי עס האָט זיך געפּאָהרט.

וואָרים קיין שום פאַרעכטיגונג איז פאַר אַזאַ צעריסענקייט ניטאָ.

ווען מען טוט א טראַכט וועגען דער מורא'דיגער לאַגע פון די אידען אין אוקראַינע, מוז מען דעמאָלט אנכאַפּען יעדען צד. ביי די לאַצען און איהם אריינשרייען אין פּנים אריין: אויב איהר פאַרגינט זיך אין אַזאַ צייט צו שפּיעלען צו'להכעיס'ן, און אויב איהר האָט אין אַזאַ מאָמענט אין זינען פּערזענליכע אַמביציעס, דאַן טאָר מען אייערע מאָטיוון נישט אויסהערען און אָהן שום טענות און מענות אייך האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער צעריסענקייט.

מען איז געקומען צו אונז און אונז פאָרגעלעגט צוזאַמענצורופען א פאַרזאַמלונג און גרינדען א דריטען אוקראַינעם פאַראיין, אָדער פאַרבאַנד. מיר האָבען זיך דערפון ענטזאָגט און אפילו נישט געוואָלט דרוקען פאַר געלד אן אדווערטייזמענט פאַר א גרינדונגס פאַרזאַמלונג פאַר א דריטען פאַראיין, ווייל מיר ווייסען ווי גרויס עס איז דער פאַרברעכען ווען אין איצטיגען מאָמענט זוכט מען אריינצוברענגען דיסאָרגאַניזאַציע און דיסהאַרמאָניע אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכער און נויטיגער ארבייט.

אָבער מיר נעהמען זיך די פולע רעכט אויפצופאָדערען די אוקראַינער פאַראיינען אין דעטראָיט זיי זאָלען אָהעקלעגען זייערע פּערזענליכע קריוודעס אָן א זייט און זאָלען צוריק אויפבויען איין פעסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאַראייניגען און פאַרשמעלצען די הילפס ארבייט פון די היגע לאַנדסמאַנשאַפטען.

און מיר ווילען מוסיף זיין, אז יעדער טאָג וואָס געהט פאַרביי און די היגע אוקראַינער הילפס־ארבייט איז דיסאָרגאַניזירט, ברענגט דאָס שאַדען די אוקראַינער אידען.

זיינען די אידען אין אוקראַינע וועניג געשטראָפט און געפּלאָגט? ליידען זיי דען וועניג פון כל ערליי הייזמאַקעס אז זיי דאַרפען נאָך ליידען פון דעטראָיט'ער דיסאָרגאַניזאַציע?

אונטערן האַמער

(ספּעציעל פאַר'ן „וועג")
פון חיים הורוויץ

ווילסאָן זייענדיג דעם לעצטען מאָל אין יוראָפּ האָט זיך דאָרט ארומגעטראָגען צו יעדען איינעם מיט א טעלער שלח מנות וואָס איז באַשטאַנען פון 14 פּונקטען. אויס העפליכקייט אָבער האָט קיינער פון דער טעלער גאָרניט אראָפּגענומען. מען האָט בלויז צוגעלעגט ווער א גאָלדען חפץ און ווער אן אויסגעשטריקטע טישטוכעל פאר מרס. ווילסאָן... און מיט דעם זיינען זיי צוריק געקומען.

א רעגעלער פּורים שפּיעל חלעבען...

* * *

ווי עס ווייזט אויס האָט המן געמוזט שרייבען אין די צייטונגען אויך, ווען ניט וואָלט ער דאָך דעם פּסעוודאָנים ממוכן ניט געהאַט...

* * *

איצט, ווען א פלעשעל שנאַפּס און ביער איז אויקר המציאות אין אַמעריקא וואָלט זיך געוואָלט פרעגען צו וואָס דאַרף מען איינגאַנצען האָבען די אַמעריקאַנער קאָנסטיטושאָן וועלכע ווערט סאַי ווי ניט אָפּגעהיט ווען מען קען אפילו א פלעשעל דערמיט ניט פארשטאָפּען...

(לציר על פּי צליחותא).

* * *

די פראַנצויזישע פרויען האָבען ארויסגעבראַכט א נייע מאָדע — ניט טראָגען קיין זאָקען.

זעהט איהר דאָס איז שוין באמת א בריה'שאַפט אראָפּצוואַרפען פון זיך די זאָקען און ניט אראָפּלאָזען דערביי קיין „אויגלאָך"...

* * *

דער חילוק לאָמיר זאָגען פון איינעם וואָס ווערט געהאַנגען פון די דזשענטעלמען פון די סאַוט, און פון איינעם וואָס „העגגט" אין א קאר באַשטעהט אין דעם וואָס ביי דעם ערשטען שטעקט ארויס א צונג דער געהאַנגענער, און ביים צווייטען — די קאר קאָמפּאַני....

* * *

אויף א דאָקטאָר אין דער איצטיגער צייט פון עפּידעמיעס קען מען זיך ניט דערוואַרטען, פונקט ווי אויף משיח'ן, מעג ער זיך אפילו ניט שלעפּען אויף א ווייסען עזל נור פאָהרען אין דעם מאָדערנעם פּעקאַרט אָטאָמאָביל.

* * *

נאַסקייט פאַראורזאַכט צו ווערען אָנגעשטעקט פון די „פלו", און דאָס וואָס אַמעריקא איז טרוקען איז דוקא א שטערונג צו היילען דיזעלבע קראַנקהייט. — אַזוי זאָגען די דאָקטוירים.

די לאַגע פון דעטראָיטער סקוהל-טיטשערס

(ספּעציעל פאַר'ן „וועג")
פון א. סניטקאָווער

מען גיט אן עצה אונזערע טיטשערס פון די דעטראָיטער פּאַבליק סקוהלס צו צוארבייטען אביסעל ביי נאכט און זיי וועלען האָבען גענוג צו מאכען א לעבען.

דאָס אליין איז שוין א גענוגענדער פאקט, אז מיט דעם געהאלט וואָס זיי באקומען פון לערנען אונזערע קינדער קענען זיי ניט אויסקומען אנצופיהרען א צופרידען גליקליך לעבען, ווייל אנדערע וואָלט מען דאָך איינעם ניט אנגעבאָטען קיין נאכט ארבייט, נאָכדעם ווי ער האָט אפּגעארבייט זיין טאָג.

אָבער שטעלט אייך פאָר אין וואָס פאר א לאַגע עס שטעלט אונז אליין אוועק! וואָס פאר אן ערנידערונג און באליידיגונג דאָס איז פאר אונז אליין!

מיר ווערען אַנגעקלאָגט אז מיר זענען ניט אימשטאנד אָדער מיר ווילען פּשוט נישט צו צאָהלען די לעהרער א געהאלט וואָס זאָל גענוגען א לעבען צו מאכען.

די שולד איז געוויס ניט פון דעם „טעקס"־צאָהלער. ער באגרייפט אז ער מוז צאָהלען די לעהרער א גענוגענדע סומע, אויב ער וויל ניט, אז די לעהרערס־טעמע זאָל אראָפּזינקען צו א שפל'דיגער מדרגה.

און ווען „די באָרד אָוו עדיוקיישאָן" האָט פאַרלאַנגט א „באָנוס" פאר די לעהרער, האָט זיך קיין איין שטימע פון פּראָטעסט אפילו ניט געהערט. דער מעיאָר, און זיין גיערינקייט צו זעהן אז די בירגער זאָלען צאָהלען וואָס קלענערע טעקסעס האָט דעם עסטימייט פון דעם בורזשעט ארונטערגעשניטען, אָבער די לעהרער [illegible]נען בארייט אנצוגעהן מיט זייער ארבייט און האָפען נאָך אלץ אז זיי וועלען פּילייכט קענען אויסקומען מיט זייער קלענליכען געהאלט.

עס איז אָבער א פראַגע פאר דער שטאַטישער רעגירונג צו באשליסען אויב עס איז ווינשענסווערט צו ערלויבען די לעהרער אנצונעמען נאכט־ארבייט.

קיינער אין דער וועלט איז ניט אימשטאנד צו ארבייטען א גאנצען טאָג ביז שפּעט אין דער נאכט אום ניט אנגעמאַטערט צו ווערען. די ארבייט אין די שולען פאָדערט און מוז קריגען דאָס בעסטע וואָס עס איז פאראן אין דעם לעהרער. דער פארגעשלאָגענער „באָנוס" וואָלט זיך קיינמאָל ניט געווען געפיהלט ביי דעם בירגער, בעת'ן צאָהלען די טעקסעס, אָבער דעם לעהרער'ס איבערגעמאַטערטקייט וועט זיך שטאַרק אָפּרופען, און וועט זיך פיהלען אויף דער ערציהונג פון אונזערע קינדער.

און אין דיזען פּרט גילט ניט דער כלל, אז א פּעני געשפּאָרט איז א פּעני געוואָנען, ניבער קען דאָס הייסען, איין סענט געשפּאָרט הונדערט דאָלאר פאַרלאָרען.

וואָס טהאָן מיר מיט אונזערע געשפּאָרטע סענטען?

מיר שטרעבען צו לאָזען ירושה פאר אונזערע קינדער.

אָבער וואָס איז א ירושה פון דאָלארס, פון הונדערטער, ווען מיר גיבען ניט אונזערע קינדער קיין גייסטיגען באגאזש אין זייער לאַנגען לעבענס וועג? וואָס פאר א באַטרעף וועט האָבען דער צוקונפטיגער דעטראָיטער בירגער — דאָס הייניגע קינד אָהן סיסטעמאַטישער בילדונג, אָהן א ריכטיגער עלעמענטאַרער ערציהונג?

און דאָס דאַרף פארשטאנען ווערען, אז וואָס מעהר דער לעהרער וועט דארפען ארבייטען ביי נאכט, דעסטאָ אויסגעמאַטערטער וועט ער זיין דעם צווייטען טאָג, און ווער ווייס וויפיעל פעהיגע לעהרער וועלען זיך גאָר אין גיכען ארומזעהן, אז זיי קענען זייער אינטעליגענץ, זייער מאַרך, אליין בעסער אויסנוצען פונקט ווי עס נוצט אויס די אינטעליגענץ און די גייסטיגע מוסקולען יעדער קאַפּיטאַליסט, יעדער אונטערנעמער! און דאַן? ווער ווייס, וואָס פאר א קאַריקאַטורען אויסזעהן עס וועלען האָבען אונזערע הייניגע פּאַבליק שולען?

ווער ווייסט ווי צוריקגעשטאנען עס וועט בלייבען דאָס דעטראָיטער קינד אנטקעגען דעם קליוולאנדער, דעם שיקאגאָער? עס קען דאָך פּאַסירען, אז א דעטראָיט'ער קינד זאָל זיך שפּעטער דארפען שעהמען צו זאָגען: איך בין אויפגעצויגען געוואָרען אין א דעטראָיטער שולע!

און דאָס זאָל געשעהן אין אונזער דעטראָיט?

די דעטראָיט וואָס איז געוואוינט אין אַלעם צו געהן „אָווער דהי טאָפּ".

ראַכט זיך אז ערשט ניט לאַנג, ווען מיר האָבען געקעמפּפיינעוועט פאר פארשידענע וואָלטעטיגע און פּאַטריאָטישע צוועקען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אום א „וואָר טשעסט" און מיר האָבען געדראַפט מיליאָנען שאַפען אין דעטראָיט אליין האָבען מיר זיי געשאַפען אין א טאָג!

אין פאַרלויף פון 24 שטונדען, האָבען מיר באַוויזען, אז מיר פארשטעהן דעם רוף פון דער צייט!

ווער עס האָט געגלויבט און אפילו ווער עס האָט ניט געגלויבט, איז געקומען און האָט געבראַכט מיט דער פולער האַנט, האָט זיך ניט א קרים געטהאָן און ווער עס האָט זיך אפילו אונטערגעפוילט צו ברענגען, האָבען מיר זיך צוטיילט אין א פריוויליגער „ארמעע" און מיר זענען געגאַנגען צו איהם אהיים, אין געשעפט אריין, אָדער אין טעאַטער וואוהין ער איז זיך געקומען אַמוזירען, און אין „4" מינוטען צייט האָבען מיר איהם איבערצייגט, אז ער דאַרף טהאָן זיין חוב צו זיין פאָלק, צו זיין לאַנד, און עס האָט געהאָלפען.

און איצט — מיט אמאָל זענען מיר געוואָרען אזוי קליינליך אזוי אויסגערעכענט, קרעמעריש קליינליך און האָבען מורא, אז די לעהרער וועלען אונז אויפעסען, און דעריבער ווילען מיר זיי בעסער ערלויבען נאכט ארבייט איידער זיי צו העכערען דאָס געהאלט דורכדעם וואָס אויף אונזערע טעקסעס וועט זיך אנקלייבען א סענט מעהר.

ווען מיר קומען צו דער טיר פון דעם טעאַטער, פון דער „מואווי" ווילען מיר דעם בעסטען, שעהנסטען פּלאַץ, מיר דינגען זיך גאָר ניט. ווען מיר קומען אין רעסטאָראַן, זוכען מיר ניט וואָס ביליגער איז, נאָר וואָס בעסער איז. געלט איז קיין „אָבּדזשעקט" ניט, און ווען מיר האָבען קינדער צו פאַרזאָרגען מאַכען מיר אזא געפעהרליכען טעות און געהן אוממעגליך מאַכען אונזער קינד דורך א סענט וואָס מיר ווילען אפּשפּאָרען פון זיינע פאַרדינסטען.

ניטאָ ווער עס זאָל א ציה טהאָן דעטראָיט ביי די האָר און איהר א טרייסעל טהאָן, אזוי אז זי זאָל דערזעהן דעם גרעסטען אומזין, די טראַגיש־לעכערליכע ראָלע אין וועלכע זי שטעלט זיך אוועק בנוגע דער פראַגע פון געהאלט פאר איהר פּאַבליק שול־לעהרער.

דאָס בעסטע מיטעל ווי צו לעזען די פראַגע וואָלטען געקענט זיין די קינדער אליין. ווען מען זאָל ביי די קינדער א פראַגע טהאָן:

— דאַרף א לעהרער מאַכען א שעהן לעבען? דאַרף ער זיך אויסרוהען די נאַכט?

דאַן זענען מיר זיכער אז עס וואָלטען ניט געווען קיין צוויי ענטפערס, און דער איינציגער לאָגישער, נאַטירליכער ענטפער וואָלט געווען: געוויס!

דער לעהרער, מעהר ווי אירגענד וועלכער ארבייטער איז בארעכטיגט צו א מאַטעריעלער פאַרזיכערונג, און דעריבער, אלזאָ, מוזען מיר נעמען אין אנבאַטראַכט די איצטיגע לאַגע פון די דעטראָיטער פּאַבליק־סקוהל טיטשערס.

ניט קיין נאַכט ארבייט, נאָר גוט באַצאָהלט פאר דעם טאָג־ארבייט, מוז דער לעהרער באַקומען.

לידער

(ספּעציעל פאַר'ן „וועג")
פון ארטהור עסלין

מיינע בלומען

היינט מאָרגען — וועט דער שניי קומען.
מיט זיין קאַלטען אטעם אַלע בלומען טויטען.
וועלען אונטען פוילען מיינע צאַרטע בלומען
אייביג — וועט א העלע דעק זיך שפּרייטען.

וועט די גוטע זון דעם אבור דאָס ניט שווייגען.
וועט די ווייסע מאַסקע ערטערהוויז צערייסען.
„מערדער!" וועט זי איהם אין קאַלטען פּנים זאָגען —
און די שוואַרצע קברים פאַר דער וועלט באַווייזען.

די איבערלעבונג

און אַלעס וועט ווערען פאַרלאָרען. פאַרגעסען,
פאַרבלייבען וועט אפשר א שאָטען.
וואָס אידיש אין מיר וועט מיט ערד זיך צעמישען,
אין קבר פאַרשטומט און פאַרשאָטען.

נאָר ניט מיין ליעבע, די הייליגע, טיעפע —
א מלאך וועט זיין איהר באַשיצער,
טראָפּענווייז וועט ער אין בלומען עס טריפען.
אין טייבען, און אין מאַמישע הערצער...

איך בין ווי דו

איך בין ווי דו, מיין פאָלק,
דיין מזל האָט מיר גאָט געגעבען.
דער שונא איז מיין רייכטום מיר מקנא,
דאָך מיר איז ביטער און טהייערע מיין לעבען.

איך בין ווי דו, מיין פאָלק.
איך זואַין מיט גוטער־שלעכטערמענשען;
עס טרעפט מיך שווער די קללה פון'ם שלעכטען,
פון גוטען — הער איך ניט דאָס בענשען...

איך בין ווי דו, מיין פאָלק.
מיט פרייסע לייט פאַרבונדען...
א שמייכעל טראָג איך ברייט אויף מיינע ליפּען.
אין האַרצען — טיעפע וואונדען...

ווער איז וועמען שולדיג?

(ספּעציעל פאַר'ן „וועג")
פון ישראל ראַבינאָוויטש

(א. פאַר באַמערקונגען מכח אידישע פאָלקס מעלאָדיען)

1

אומגעפעהר עמפּפינדליך איז דאָס אידישע געוויסען; עס פּלאַגט אויף יעדער אומרעכט און אויף דער מינדעסטער עבירה'לע.

א אידישער ראַדיקאַל וועט אייך מקריב זיין די געשמאַקסטע פּסח'דיגע קניידלאך אויף דעם מזבח פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערליכקייט, און וועגען דעם אויפריכטיג־פרומען אידען איז שוין אָפּגערעדט: — ער איז גרייט צו שפּרינגען אין פייער, אבי דאָס געוויסען ריין צו האַלטען.

דאָס אידישע געוויסען פּלאַגט אויף אַלע אומרעכטען, וואָס ווערען באַגאַנגען און וואָס דאַרפען נאָך ערשט באַגאַנגען ווערען.

און דערפאַר איז מען ביי אונז פרימער פון דעם פּאָבסט; און דערפאַר נעהט אונז ניט איין קיין פאַרגעניגען.

עס איז לעצטענס געוואָרען א מאָדע אין די קרייזען, וואו עס ווערט מיט התלהבות געזונגען אידישע פאָלק־לידער און פאָלקס־מעלאָדיען, ארינצושלעפען א „זכר־לחורבן" אין סאַמע עקסטאַז, אין וועלכען די אידישע פאָלקס־לידער שלעפען אריין, אין מיטען זינגען הויבט דאָס פרומע געוויסען אָן צו פּלאַגען און עס שטעלט זיך די קשיה: איז דאָס אידיש?...

פאר א אידען איז נאָך וועניג, אז ער האָט הנאה. ער מוז האָבען א הכשר־„לייבעל" אָנגעקלעפּט אויף דעם געשמאַקען מאכל, — אנדערש נעהט עס איהם ניט איין. עס מוז זיין כשר על פּי דין און על פּי יושר און — אויב לפנים משורת הדין — איז אוודאי גוט.

און דערמיט שטעמפּעלט זיך אָפּ אונזער אַבנאָרמאַליטעט. אונזער געוויסען פּלאָגט זיך שוין דערגעהט ציטענווייז. ביז „קרענקיזם" און דער „זכר־לחורבן" שטערט יעדע שמחה פון דעם היינטיגען פּראָגרעסיווען נאַציאָנאַליסט, פונקט ווי ער האָט אמאָל געשטערט יעדען עונג פון דעם פאַנאַטישען פרומען.

ביי א נאָרמאַל פאָלק קענט איהר זיך אזא געוויסען־פּלאָגעניש ניט פארשטעלען. ביי זיי פּלאָגט שוין דאָס געוויסען אביסעל צו וועניג...

אָבער גליקליכער ווי מיר זענען זיי.

ווען דאָס געוויסען פון דער גאַנצער קריסטליכער וועלט זאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען אָנהויבען פּלאָגען אויף דעם אורשפּרונג פון זייערע קלויסטערישע זינגעריי'ען, וואָלטען זיי געדאַרפט זיך אָפּזאָגען פון די נגונים, מיט וועלכע זיי זינגען די פּסאַלמען און עס אומקעהרען צוריק אין יענעם פּלאַץ, וואו זיי האָבען זייער גאָט און זייער משיח גענומען.

און דאָס איז ניט סתם א באַהויפּטונג, נאָר א היסטאָרישער אמת, באַגרינדעט אויף לאָגישע ראיות.

די קאַטוילישע קירכע פאַרמאָגט א גאַנצע קאָלעקציע פון פּסאַלם־געזאַנגען, וועלכע זענען באַקאַנט אלס די „גרעגאָרישע נגונים" („גרעגאָריען טשאַנטס"). וועגען די דאָזיגע נגונים איז שוין אָנגעשריעבען געוואָרען א גאַנצע ליטעראַטור. עס איז פאר קיינעם קיין צווייפעל ניט, אז לויט זייער נוסח און מוזיקאַלישע פאָרם, איז די דאָזיגע קאָלעקציע אן אנטיק פון די אוראַלטע צייטען.

עס ווערט פון היסטאָריקער אויפגעוויזען, אז נאָך איידער קעניג קאָנסטאַנטין האָט אָנגענומען דעם צלם, האָבען שוין די פאַרפּאָלגטע און גערודפטע פאַרשפּרייטער פון קריסטענטום געזונגען דעם תהילים מיט די זעלביגע נגונים. און ווער זענען געווען די ערשטע פאַרשפּרייטער פון'ם קריסטליכען געדאַנק, אויב ניט אידען?

עס זענען פאַראַן אומצעהליגע ראיות, אז די גאַנצע מוזיק אין די מיטעל־אַלטערליכע צייטען ביז דעם אָנפאַנג פון 16טען יאָהר־הונדערט, וועלכע איז געלעגען אונטער דער קאָנטראָל פון דער קירכע, האָט זיך געהאַלטען אין די ראַמען פון אָט די אידישע פּסאַלם־נגונים, ווייל אנדערש זינגען איז געווען א זינד קעגען גאָט און דעם נוצרי.

וואָס פאַר א געוואַלדיגע השפּעה אָט דער דאָזיגער געשיכטליכער פּראָצעס האָט געדאַרפט אויסאיבען אויף דער ענטוויקלונג פון דער מוזיקאַלישער קונסט אין אַלגעמיין, און דער עיקר: ווי אידיש די דאָזיגע השפּעה איז געווען!..

אין דאָס געוויסען פון דער קריסטליכער וועלט הייבט פון דעסטוועגען ניט אָן צו פּלאָגען און זי באַטראַכט זיך אלס די אמת'ע באַלעבאָסטע איבער אַלעם וואָס זי האָט אָנגעזאַמעלט ניט פאַרגענדיג פון וואַנען און פון וואָס.

און ביי אונז, אז מיר כאַפּען זיך, אז דער אָדער יענער נגון קלינגט אביסעל מאַלאָרוסיש, אָדער וואַלאַכיש איז — הימעל עפען זיך: סטייטש, סטייטש: „אידישע פאָלקס־לידער — דרשה'ט איינער — „זענען ניט אידיש" זיי זענען וואָלאַכיש". קומט א צווייטער און פּאַטאַקעוועט און גיט נאָך צו: „אידישע פאָלקס־מעלאָדיען זענען מוזיקאַליש ניט רייך". — קורץ — כאַטש נעם און זינג „מאיר'קע מיין קינד" און עהנליכע האַרציגע מעלאָדיען מיט א וועהטאָג אין האַרצען און מיט א „זכר־לחורבן" אויסגעדריקט אויף'ן פּנים.

ווי נאַריש דאָס איז!

זיך צו ענטזאָגען פון די אידישע פאָלקס־לידער און פאָלקס־נגונים, איז פונקט אזוי נאַריש און פונקט אזוי אוממעגליך ווי זיך צו ענטזאָגען פון דער אידישער שפּראַך, און אפשר נאָך אוממעגליכער און נאָך נאַרישער.

ווי לאַנג איז עס ערשט געווען, ווען פרוג און י. ל. פּרץ זענען געווען איבערצייגט, אז פון דעם אידישען „זשאַרגאָן" וועט שוין קיין „לייט" ניט זיין, און אז צו גוטער פּאָעזיע וועט עס קיין מאָל ניט טויגען. נו, זענען אוועק בלויז א פּאָר צעהנדליג יאָהר און עס זענען געקומען יהואש, מ. ל. האַלפּערן און יצחק רייז און באַוויזען אז די אידישע שפּראַך האָט יאָ „טעם און קלאַנג".

און ס'איז שוין היינטיגע צייטען א בטלנות צו זאָגען, אז די אידישע שפּראַך איז א זשאַרגאָן און א פרעמדע שפּחה.

אין צייטען פון דראָטלאָזער טעלעגראַפיע, לופט־שיפען און אַלע אנדערע קאָמוניקאַציאָנס־מיטלען, וואָס האַלטען אין קאָנטאַקט איין עק וועלט מיט'ן צווייטען איז פּשוט א פיזישע אוממעגליכקייט אפילו פאר א נאַחמאַלען פאָלק זיך צו פארשפּאַרען אין די אייגענע ד' אַמות און ניט באאיינפלוסט ווערען פון דער ארומיגער וועלט. א פּשיטה שוין מיר, אידען, וואָס זענען — ווי לייוויק וואָלט געזאָגט — „אומעטום און איז ערגיץ ניט"..

זיכער איז אין אונזער פאָלקס־ליעד פאַראַן אן עלעמענט וואָס איז ענטנומען פון „ערגעץ אנדערש". אָבער אין יענעם „ערגעץ אנדערש" האָבען מיר דאָך געלעבט, און זאָגאַר זיך צוגעפּאַסט. אויב מיר האָבען זיך ניט צוגעפּאַסט אין גאַנצען איז דאָך דאָס טאַקע דער סוד, וואָרום מיר זענען געבליבען אידען; און אָט דאָס ניט קענען זיך אין גאַנצען זיך צופּאַסען שטעמפּעלט זיך טאַקע גאַנץ פיין אָפּ אויף יעדען „פרעמדען" נגון, וואָס האָט זיך געאידישט אין די הערצער פון פאָלק.

מ'מוז נאַטירליך צוגעבען, אז עס האָבען זיך צו אונז — צוליעב געוויסע געשעהענישען אין אונזער פאָלקס־לעבען — ארייגעריסען איינציגע נגונים, וועלכע זענען געבליבען גוי'איש, שוין דערפאַר אליין, ווייל זיי האָבען לכתחילה ניט אנגענומען די הערצער פון פאָלק, און די אידישע נשמה האָט זיי נאָך ניט דערפיהלט ביז היינטיגען טאָג. דער ניגון פון „התקוה" איז איינער פון אָט די אומגליקליכע ניגונים. אום א מעלאָדיע זאָל אפּעלירען צו דער אידישער נשמה, דאַרף זי, קודם כל, ענטהאַלטען דעם עלעמענט פון עקסטאַז — אָבער וועגען דעם וועט זיך לוינען א באַזונדער אַרטיקעל.

ביז...

דעשאַנעל, דער נייער פראַנצויזישער פּרעזידענט, האָט פייערליך ערקלערט, אז ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלען בלייבען פאַרבונדען „אויף אייביג" —

כו זיי וועלען זיך אָפּבינדען!...

ניט געקומען צו קבר ישראל

(אן אמת בילד פון א פאסירונג אין דעט ראיט)

פון י. גראסס

שטיל און טרויעריג איז ביי ר' יואל'ן אין הויז, אלע אין הויז געהן ארום אזוי ווי די שאטענס, שטילע זיפצען הערען זיך פון אלעמען, יעדער היט זיך קיין הויכען שארך ניט צו טאן אום ניט צו ציהען אויפמערקזאמקייט פון דרויסען.

וואס איז געשעהען? ששששש... יונה ר' יואל'ס זוהן פאהרט קיין אמעריקא! ער פארט קיין אמעריקא, ניט ווייל עס פעהלט פרנסה אין הויז! ר' יואל איז א איד א נגיד, ר יואל האט א גרויס צעלניק געשעפט און אייניגע פאמיליען פאטערס מאכען ביי איהם גאנץ שעהן א לעבען.

ר' יואל איז א איד א חסיד און אלס א חסיד ווייסט ער אז עצבות איז א גרויסע זינד געווען נאט, און ווי אזוי זאל א איד ניט זארגען, ווען איהם פעהלט פרנסה?

דארום האט ר' יואל געצאהלט זיינע מענשען אנשטענדיגע שכירות, זיי זאלען האבען גענוג אויף הצטרכות. און אז עס האט געטראפען ר'ל א קראנקהייט ביי איינעם פון זיינע אנגעשטעלטע, פלעגט ר' יואל צאהלען פאר דאקטאר און אפטייקער ר' יואל פלעגט אויך געבען מיט א ברייטער האנט, ווען מען איז צו איהם געקומען פאר נוטבארערפטיגע. אויך צירעלע ר' יואל'ס פרוי, פלעגט שטיצען ארימע און קראנקע, און נויטבארערפטיגע, ווארום זשע פאהרט יונה ר' יואל'ס קיין אמעריקא? עס איז ענדע אויגוסט 1914. יונה איז אלט 19 יאהר און מען שמועסט אז מען וועט דאס יאהר נעהמען 19-נער צום פריזיוו...

אריבער כאפען זיך די גרענעץ בנגיבה אום פון דארטען צו פאהרען קיין אמעריקא, האט מען שוין דאן ניט געקענט, ווייל די מלחמה איז שוין געווען אויף דער עסטרייבישער זייט, און אויך אויף דער דייטשער זייט. האט ר' יואל און צירעלע באשלאסען אז יונה זאל פאהרען קיין אמעריקא דורך יאפאן, ווייל יאפאן איז דאן געווען דער איינציגער וועג וואס מען האט פאר גוטע געלט געקענט דורכשמוגלען די גרענעץ, די פראגע איז אבער געווען ווי אזוי יונה זאל קומען ביז דער יאפאנעזישער גרענעץ. ווייל פאר א יונגענמאן האט מען דאן ניט געגעבען קיין פאספארטען איז באשלאסען געווארען: אז צירעלע ר' יואל'ס זאל פאהרען מיט יונה'ן ביז דער גרענעץ, און יונה זאל זיך פארקליידען אלס מיידעל.

עס איז ארום מיטען נאכט. אלע אין הויז שלינגען די טרערען, יונה איז שוין פארקליידעט אלס מיידעל מיט איין פאספארט אין קעשענע אלס חנה מענדעלזאהן, טאקע צירילעס א קרובה. אויך צירילע מיט איהר אייגענעם פאספארט צירעל גרען, אלע אין הויז הערען זיך איין צו יעדען גערויש פון דרויסען, דאס הערט מען זיך איין אויב הירשעל בעבזיק דער בעל-עגלה איז שוין דא אום צו נעהמען צירעלען מיט יונה'ן צום גרויסען וואקזאל דער גרויסער וואקזאל איז נעווע 14 וויארסט פון שטאט

ענדליך האט זיך שוין דערהערט דאס אנקומען פון דעם פוהר. אויף שנעל האט יונה זיך געזעגנט מיט ר' יואל'ן און מיט אלע קינדער און אויך מיט אלע אייגענע וואס זענען דאן געווען אין הויז. און ר' יואל'ס פרוי צירעלע גריען האט פארלאזען די הויז מיט יונה'ן אלס חנה מענדעלזאהן איהר דיענסט.

און אזוי זיינען זיי געפארען דעם גאנצען וועג, צירעלע האט געקויפט די בילעטען ווי מען האט באדארפט און אויך שפייז אליין געקויפט, אום עס זאל ניט זיין קיין פארדאכט אויף יונה'ן דורך זיין מענערשע אויסשפראכע

קומענדיג צו דער יאפאנעזישער גרענעץ האט צירעלע אויפגעזוכט א מעקלער וועלכער איז מרוצה געווארען פאר 500 רובעל צו באזארגען יונה'ן איבער דער גרענעץ. איבער די גרענעץ פלעגט דאן אריבערפיהרען דער מאשיניסט וואס פיהרט דעם צוג קיין יאפאן.

ווען יונה איז בשלום אריבער די גרענעץ האט מען אים צו וויסען געגעבען דאס ער וועט מוזען ווארטען עטליכע וואכען פאר א שיף וואס וועט איהם נעהמען קיין אמעריקא. געלט האט ער געהאט דריי טויזענד רובעל האט ער זיך ניט פיעל געקימערט וואס ער דארף ווארטען אויף דער שיף...

ווען יונה איז געקומען קיין סיאטעל, וואשינגטאן, האט ער זיך א וואך אויסגערוהט פון דער רייזע, און האט זיך ארומגעזעהען אז עס איז ניט קיין פלאן פאר איהם צו זיין אין סיאטעל וואשינגטאן, און באשלאסען צו פארען קיין ניו - יארק. ווייל ניו יארק: איז א גרויסע אידישע שטאט. דארטען זיינען אויך פאראן פיעלע לאנדסלייט וואס קענען איהם, וועט ער אמוועניגסטען האבען מיט וועמען זיך שואל בעצה זיין.

אין אנפאנג דעצעמבער 1914 האט מען געלעזען אין אלע טעגליכע צייטונגען פון ניו - יארק: דאס יונה ר יואלס פון דער שטאדט 5. וויל זיך, זעהען מיט זיינע לאנדסלייט און באקאנטע פרעגען: העברי סטריט נומער...

אלע לאנדסלייט זענען געקומען איהם זעהען און מיט איהם רעדען או איהם דרייסען די האנט, ווייל דאס איז ביי זיי געווען א גרויסע עהרע. ווען עס זענען אוועק עטליכע טעג האבען אייניגע לאנדסלייט וועלכע זיינען מיט איהם געווען א ביסעל באקאנט פון דער היים, זיך געגומען מישב זיין וואס יונה זאל טאן אום א לעבען צו מאכען, פלענער האט מען געמאכט פארשיידענע, ביז איינער האט פארגעגעבען א פלאן וואס איז יעדען געפעלען געווארען און דער פלאן איז געווען פאלגענדער: ער וועט זיך זעהען מיט זיין גראסערי מאן און איהם צו ריידען ער זאל פארדינגען די גרויסענדיגע זייט פון איין ווינדאו, און ונה זאל זיך דארט מאכען א סטענד; עס איז אפילו ווינטער צייט געווען מען קען ניט ערוואַרטען קיין גרויסע גליקען פון א סטענד, נאר ווייל ער אז סינגעלמאן וועט ער אפילו ווינטער צייט אויך האבען גענוג אויף זיין הוצאה, דערפאר וועט ער זומער פון איז קריעם און סאדע וואסער מאכען גוטע געלד.

דער פלאן איז יעדען געפעלען געווארען, און דער לאנדסמאן האט זיך געזעהען מיט דעם גראסערי מאן, און דער גראסערי מאן איז באשטאנען פאר 25 דאלאר א מאנאט פאר די ווינטער - מאנאטען און 40 דאלאר פאר זומער מאנאטען.

ווען יונה האט אפגעצאלט דעם קאר פענטער פאר מאכען דעם סטענד, האט ער נאך דאן געהאט 200 דאלאר, פאר וועלכע ער האט איינגעקויפט טאבאק, סיגארס, סיגארעטס, און קענדי, און אין א שעהנעם זונטאג האט יונה געעפענט דעם סטענד פאר ביזנעס, אין דער ביזנעס-וועלט ביי די האלסיילערס וואו יונה פלעגט קויפען זיין סחורה האט מען איהם באלד משנה שם געווען אויף דזשאן גרין. זיי האבען איהם געגעבען צו ערקלעהרען דאס אלע אהרדערס און בילס ווערען געשריבען אין ענגליש און אויף ענגליש איז יונה — דזשאן".

אייניגע לאנדסלייט זענען מיט איהם געשטאנען דעם ערשטען זונטאג און איהם אויסגעלערענט הלכות „סטענד - קיפער"; זיי האבען איהם אויסגעלערענט די נעמען פון די סיגארעטס, און צו וואס פאר א סיגארעטס מען מוז געבען א גאנץ באקסעל מיט מעטשעס אלס צוגאב, און צו וועלכען סיגארעטס, נאר ניט אלע טאג פון א גאנץ דעם ערשטען טאג האט יונה אדער דזשאן געטאן ניט קיין שלעכטע ביזנעס, ווייל כמעט אלע לאנדסלייט זענען איס געקומען באזוכען און האבען ביי איהם געקויפט סיגארעטס, נור ניט אלע טעג פו א גאנץ יאהר זענען זונטאגס און ניט אלע זונטאגס עפענט ר' יואל'ס זוהן א סטענד!

יונה איז באלד געווארען אויס יחסן ביי די לאנדסלייט, ווייל וואס פאר א ראלע שפעלט א סטענד - קיפער, און דערצו נאך א גרינער. און פארוואס מישטיינס געזאגט זאל א סטענד קיפער זיין א יחסן? קיין מיליאנערען קיין סטענד - קיפערס, זיינען נאך ביז צו דער צייט וואס יונה האט זיך גענומען צו די ביזנעס ניט געווען....

נון איז וואס איז דער אונטערשייד ווער עס איז דער סטענד קיפער צי ר' יואל'ס זוהן אדער זלמן קאשע - ברויטס זוהן, א סטענד קיפער און דאס אלל.

יונה איז געווען פארשקלאפט צום סטענד פון 6 אוהר אין דער פריה ביז האלבע נאכט נאר פיר א לעבען צו מאכען האט ניט געקלעקט אזוי איז פאראיבער דער ערשטער מאנאט און וואגלעניש, יונה האט באצאהלט פאר'ן צווייטען חודש רענט און האט גערעכענט דורך דעם חודש צו פארקויפען דעם סטענד, עס איז אוועק א פאר וואכען און יונה האט דעם סטענד ניט פארקויפט, און איין פריהמארגען אז יונה איז געקומען עפענען דעם סטענד, האט ער געזעהען דאס עמיצער האט זיך מקדים געווען פאר איהם און האט שוין געעפענט דעם סטענד, און מען האט די ווארע פון סטענד אויך אוועקגענומען. יונה האט פאר בראכט עטליכע טעג אין קלעהרען וואס צו טאן, און האט באשלאסען צו פארלאזען ניו-יארק, און פארען קיין דעטראיט מישיגאן, ווייל ער האט געהערט אז אין דעטראיט זיינען דא פיעל פאבריקען פון אויטאמאבילס און מען נעהמט דארטען גרינע אויך אן צו דער ארבייט. ער האט אויך געלעזען אין די צייטונגען: אז עס איז דארט פאראן א פאבריקאנט פארד וועלכע צאהלט זיינע ארבייטער 5 דאלאר פאר 8 שטונדען ארבייט א טאג, מיט דיעזען געדאנק האט ער פארלאזען ניו-יארק און איז געפארען קיין דעטראיט.

קומענדיג אהער האט יונה אזוי שנעל קיין ארבייט ניט געקראגען, ניט ביי פארדען און אויך ניט אין קיין אנדער פעקטארי, ווייל טויזענדער לייט זענען דאן ארום געגאנגען אהן ארבייט. נאך עטליכע וואכען פלאנעניש און זוכעניש, האט יונה געקראגען א דזשאב ביי דער קעדילאק מאטאר קאמפאני, אלס טראקער אין רעפ־

ווינג דעפארטמענט, פאר 20 סענט א שטונדע.

שווער איז געווען פאר יונה'ן די ארבייט נאר ער האט זיך נאר קיינעם ניט באקלאגט, אין געגענטייל! ווען ער האט גענומען פארגלייכען זיין איצטיג לעבען מיט דעם וואס ער האט געהאט אין ניו-יארק, איז ער געווע העכסט צופרידען; יונה האט שוין אין דעטראיט ניט געזוכט קיין לאנדסלייט, און ער האט אויך ווייניג באקאנטע געהאט.

ווען יונה האט אפגעארבייט עטליכע וואכען און עס איז געווארען סלעק, איז יונה געווען פון די ערשטע צו ווערען אפגעלעגט, ווייל ער האט ניט לאנג געארבייט אויף דעם „דזשאב".

יונה איז ווידער ארומגעגאנגען זוכען א „דזשאב", און ער האט ניט געקראגען, זיינענדיג 1 טאג ביי דער פארד פאבריק פאר איין „דזשאב", האט מען איהם אפגעגאסען מיט וואסער, ווייל טויזענדער לייטע פלעגען זיך דאן פארזאמלען ביי דער פעקטארי מיט דער האפנונג צו קריגען א דזשאב, האבען די אפיסערס פון פעקטארי געגעבען אן ארדער, דאס מען זאל מיט פייפ וואסער צעטרייבען דעם קראוד.

א פאר טאג נאך דער קאלטער באד האט ער געפיהלט א וועהטאג אין א זייט. עס איז שוין דאן געווען פאראיבער א וואך, דאס ער האט ניט באצאהלט קיין רענט פאר זיין לאזשי און די מיסעס האט איהם געגעבען צו וויסען אז זי האט זיין געלעגער פארדינגען צו אן אנדערען.

יונה האט פארשטאנען דאס ער מוז זיך געפינען אנדער פלאץ צום שלאפען, די עטליכע דאלאר וואס מען דארף באצאלען פאר א מאנאט אין פאראויס, האט ער ניט געהאט, יונה איז דאן אוועק און האט אפגעווארט זיינעם א באקאנטען באי, וואס האט מיט איהם צוזאמען געארבייט אין העסווינגדעפארטמענט, און האט איהם געפרעגט אויב ער קען איהם מיטנעמען שלאפען דינאכט, „מארגען — האט ער איהם געזאגט — וועל איך פאהרען קיין פאנטיאק, ווייל מען דארף דארטען ארבייטער". דער באי האט איהם ניט ענטזאגט און איהם אויך געזאגט, דאס ער דארף זיך ניט יאגען באלד אין דער פריה צו פאהרען קיין פאנטיאק, ווייל דעם אימפלאימענט אפיס עפענט זיך שפעט. יונה האט ניט געהאט קיין רוהיגען שלאף, אין מיטען נאכט האט ער דערפיהלט א שטעכעניש אי דער זייט. דער באי איז געשמאק געשלאפען או האט ניט געהערט ווי יונה האט געקרעכצט די גאנצע נאכט. ארום פיער פארטאג איז יונה איינגעשלאפען. ווע ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף איז שוין געווען 8 אזייגער. ווען ער האט זיך גענומען אנטאן האט ער געפיהלט דאס ער קען ניט איינשטעהן אויף די פיס, מיט גרויס מיה האט ער זיך קוים אנגעטאן, און האט פארשטאנען דאס ער מוז געהן צו איין דאקטאר. קיין פאנטיאק קען ער שוין דערווייל ניט פאהרען, צו איין פריוואטען דאקטאר האט ער אויך ניט געקענט געהן... קיין אידישער האספיטאל האט ער געוואוסט איז אין דעטראיט ניטא, האט ער זיך נאכגעפרעגט און גאס ביי איינעם צו וועמען ער קען זיך ווענדען, האט מען איהם געזאגט דאס ער זאל צו געהן אין פור קאמישאן הויז, יונה איז געקומען אי דעם באשטימטען פלאץ, דער אנגעשטעלטער האט אים געפרעגט זיין נאמען, האט ער איהם געזאגט דזשאן גריען, קיין אדרעס האט ער ניט אנגעגעבען, ווייל אין דער ווירקליכקייט האט ער דאך ניט געהאט קיין וואהנונג אין דעטראיט. יונה האט געווארט אויף זיין נעקסט קארנע 2 שטונדען, ווען דער דאקטאר האט איהם באטראכט, האט ער גלייך צו געדופען איינעם פון די אנגעשטעלטע און באפוילען איהם גלייך נעמען אין האספיטאל ווייל ער האט טייפיד - פיווער.

פארטזעצונג אויף פיירדוש 6

נאטיס

צו אלע דעטראיטער אידען פון

ה. מ' קויפמאן

— פון דער —

דעטראיט קאנקריט רעספעטיקאל קא.

אלע קאנקריט אש און גארבעדזש קענס האבען געשטיגען אין פרייז פון 1-טען מארטש פון 3 ביז 5 דאלאר נאר איך קען אייך נאך געבען די אלטע פרייז בלויז ביזן

דעם 5טען מארטש

איר מוזט האבען א רעספעטיקאל. עס וועט אייך גארניט העלפען.

טעלעפאנירט מיר: מעלראוז 3595-דאבעלין אדער טשערי 1472, אדרעס 296 הענקאק עווענו

סיום הספר

ביי די חברה פוירסט היברו קאנגרעגיישאן אוו דעלריי

ווערטהע פריינדע איהר זענט איינגעלאדען אנטייל צו נעהמען אין דער גרויסער שמחה וועלכע וועט גפייערט ווערען

יום א' פ' ויקהל דעם 7טען מארטש, שעה 3, אין פענסולאר האל 2227 וועסט דזשעפערסאן עוו.

אויסער אנדערע רעדנער וועלען אדרעסירען פאלגענדע רבנים

הרב הגאון ר' יוסף תאומים מדעטראיט

הרב הגאון ר' משה יהודה פישער, משיקאגא

רעווערענד אברהם רובינשטיין

אויך א קאנצערטינער סאפער וועט שטא טפינדען, איהר וועט געניסען גרויס פארגניגען.

קומט און ברענגט מיט אייערע פריינדע,

21 יאהר אין די זעלבע ביזנעס

אונזער ווארשאווער אפיס צו אייער דיענסט

שיקט געלט

דורך מייל אדער קייבעל צו אייערע פריינד און קרובים אין פוילען און גאליציען דורך דער אלטער בענקינג פירמא

גאלדמאן בראס.

ד געלט ווערט אויסגעצאהלט אונטער דער פערזענליכער אויפזיכט פון אונזער שותף, דוד גאלדמאן, וואס געפינט זיך איצט אין ווארשא

Goldman Bros
393 Hastings St.
Detroit. Mich.

ווארשאווער אפיס
Przejazd No. 5
Warsaw, Poland

זונטאג אווענד
מארטש דעם 7טען

דער לאנג ערווארטעטער גרעסטער קאנצערט פון יאר, געשפיעלט פון דעם פעטראגראדער מוזיק אנסאמבל

זמרה

אין די ארענא גארדענס

וואודוואָרד און הענדרי

עס איז צוגעגרייט געווארען א וואונדערבארע פראגראם פון די שעהנסטע חסידישע און פאלקס - לידער, אויך ...ישע מוזיק, וועלכע זיינען נאך פון קיינעם ניט געשפיעלט געווארען אויף אזא קינסטלערישען אופן.

טיקעטס פון 75 ס. ביז 3 דאלאר
צו באקומען:
אין גארדאן'ס בוך סטאר, 541 הייסטינגס,
אוטשעניק'ס בוך סטאר 455 הייסטינגס,
גאלדמאן בראס.
גרינעל בראס.
קופער'ס פארמאסי, וועסטמינסטער,
קאר. גודווין
גאלדמאנ'ס פארמאסי,
וועסטמינסטער קאר. דעלמאר

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער נייע מאכען.

פריימס, באדיס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט. געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיענעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, און עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender
Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 776

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמעריקאנער דאלארס.

קעדילאק 2061

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

וואַרע בילינ פאר סטאר-קיפערס און פעדלערס

ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס

מאקס ראזינסקי

353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

Der Weg

אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראָיט, מיש. טעלעפאָן: מעין 3715.

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

ערשיינט יעדען פריהמאָרגען אויסער שבת, דורך דער

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

די קינסטלער פון דער ביהנע, פון די מואווים אַמאָל און היינט

פון ב. י. ג—ן

אין דער אידישער גאַס פון די אמעריקאנער שטעדט איז ביז ניט לאנג צוריק געווען א כלל, אז וועלכע מיידעל עס וויל ניט לעבען צוזאמען לאנג מיט איהר צוקינפטיגען מאן, זאל זי פון כלהדווייז אן ארבייטען אין א פאַבריק און איהם מאכען פאר א דאקטאר.

אזוי גיך ווי דער יונגערמאן פלעגט ווערען א דאקטאר פון דער כלה'ס פאהדיענסטען, פלעגט ער שוין אנהייבען צו זוכען מיטלען ווי אזוי פון איהר פטור צו ווערען.

אז אזעלכע אויסגעשטודירטע בחורים אין בעלעבעסלאך זאלען פאר־לאזען זייערע כלות, אדער זייערע יונגע ווייבלעך און נאכדעם חתונה האבען מיט רייכערע פון זיי, איז געווען א טאג טעגליכע פאסירונג אין אמעריקא. און אפשר איז עס נאך ביז היינט צו טאג אזוי; נישט מעהר, עס איז שוין קיין נאווינע נישט און דעהפאר ווערט מען איצט פון אזעלכע פעלע ווייניג דאס נתפעל און מען רעדט פון זיי ניט.

שפעטער איז ארויסגעקומען אן אנדער כלל און דוקא אין די קרייזען פון דער הויכער אמעריקאנער אינטעליגענץ און פון דער הויכער בורזשוא־זיע. דער כלל האט געלויטעט, אז ווער עס וויל פטור ווערען פון זיין ווייב, זאל ער זי מאכען פאר א זינגערין אין אפערא, פאר אן אקטריסע, אדער כאטש פאר א וואדעוויל טענצערין.

אזוי גיך ווי א רייכער פוסט און פאסניק האט זיך געלאזט איבעררייסען פון זיין ווייבעל, אז ער זאל זי לאזען שטודירען פאר א זינגערין, אקטריסע, אדער טענצערין, און אזוי גיך ווי דאס ווייבעל האט אויסגעשטודירט, האט זי איהם איבערגעלאזט און גענומען א קאלעגא; אמאל האט זי דאס געטאן אויס וואוילטאג און מעהרערע מאל צוליעב סענזאציע; א פאַמיליען סקאנדאל ביי אזעלכע פוסט און פאסניקעס איז ניט אלע מאל א פזרון. זיי יאגען זיך נאך דעם אום צו קריגען פאפולאריטעט, אום צו זעהן דאס בילד אין די צייטונגען און ווערען דאס געשפרעך פון טאג.

אצינד איז דער לעצטער פאסאן — מאווינג פיקטשורס.

דער לעצטער מאָדע־כלל איז: וויל א פרוי פטור ווערען פון איהר מאן, אדער דער מאן — פון זיין פרוי, זאלען זיי זיך איבערגעבען דער קונסט פון די באוועגליכע בילדער.

עס מאכט ניט אוים אפילו די עלטער. מען האט צייט דערצו אלע טעג, אלע יאהרען.

אמאל (מיט בסך הכל אזעלכע 8 אדער 10 יאהר צוריק), ווען די אפערא ליידי איז געווען אין דער מאָדע, האט די פרוי פון א ברוקלינער דאקטאר (דר. חוש. רעפאלד) פארלאזט איהר מאן. ווען זיי האבען שוין געהאט א טאכטער חתונה צו מאכען. אין געטאן האט זי דאס, ווייל זי איז געווארען א פרימאדאנא. אין אלס פרימאדאנא האט זי געהאט א נעהענ־טערען מענשען איידער דעם ברוקלינער דאקטאר. וואס ווייס זעהר ווייניג מכח קונסט און מכח אפערא. דאס איז געווען א זינגער (מר. בערגער) א מענש וואס אז ער גיט א זונג, קריגט ער אפלאדיסמענטען, בלומען און אויף מארגען שעהנע קריטיקען אין די צייטונגען.

ער איז שוין פאר דער דאקטארשע געווען מעהר אינטערעסאנט.

אבי, איז דאך דא געשטאנען א שטיקעלע סענזאציע אין קאן: צו ערשט האט מען אין די צייטונגען דערצעהלט ווי דער דאקטאר געפינט זיך זעהר נידערגעשלאגען אין דער קונסט־ספערע פון זיין ווייבעל. ווי ער ברענגט איהר בלומען, ווי ער אפלאדירט ביי יעדען מאל ווען „זיין" פרי־מאדאנא טרעט אויף אויף דער ביהנע.

נאכדעם האט מען דערצעהלט דער וועלט ווי אזוי דער דאקטאר און זיין צוואנציג יעהריגע טאכטער בעטען דער מוטער אז זי זאל פארלאזען איהר קונסט־ברודער — דעם דייטשען זינגער — און צוריקגעהן אהיים. צו דער באלעבאטישקייט.

און צו לעצט — דער קלימאקס, דער גט. דאס אלץ איז געווען אין אלע צייטונגען.

דאס איז געווען מיט א צעהן יאהר צוריק.

בעתים הללו, איז דאס זעלבע וואס איז געשעהן צווישען דעם דאקטאר פון ברוקלין און זיין ווייב, די פרימאדאנא, געשעהט צווישען אנדערע מענער און זייערע ווייבער, די מואווי אקטריסעס — עס איז אזא מכת מדינה, אזא אפטע ערשיינונג, אז עס איז באלד געווארען אוים סענזאציע.

און אט דאס טאקע שרייבט א מואווי אקטריסע:

„אמאל — שרייבט זי — האבען די לייוועגד־העלדען געהאט מעג־ליכקייטען באוואוסט צו ווערען, פאפולער צו ווערען, עס איז געווען גענוג אז איין אקטריסע, אדער איין אקטיאר זאל פארלאזען זיין היים, זיין ווייב און קינד, אדער די אקטריסע זאל פארלאזען איהר מאן און קינד — און באלד אויף מארגען זיינען ערשיענען זייערע בילדער אין דער אפטיילונג פון דעם לעזע שטאף.

„היינט פילען זיך די צייטונגען אונטער אביסעל.

„ווען אפילו אן אקטריסע זאל זעקס מאל א וואך בייטען איהר היים, וועט מען איהר בילד ניט ארויפשטעלען אויף די זייטען וואו עס דרוקט זיך די לעזער־שטאף.

„ווען עס איז שוין א גאר גרויסער סקאנדאל גיט מען איהר אין דער אפטיילונג פון די מאַווי באשרייבונגען א לענגערען נאטיץ, אדער בילד און — דערמיט איז עס געענדיגט".

דאס איז דער בעסטער סימן וואו עס האלט מיט דעם פאמיליען לע־בען אין דער וועלט פון דער מואווי קונסט; דאס איז דער בעסטער באוויז אז פאמיליען סקאנדאלען זיינען דארטען אזא אפטע ערשיינונג אז אפילו די „געלע" צייטונגען וואס יאגען זיך נאך סענזאציע, מיידען אוים יעדע סענזאציע וואס קומט פון יענעם קונסט ווינקעל, מיידען נאטירליך ווען דער סקאנדאל איז שוין גאר ריעזיג.

אט אזוי בייטען זיך עס די כללים.

סאָוועטען

(פעליעטאָן)
פון א. אלמי

פולע זעגען
די גאזעטען
מיט די נייעס
פון סאוועטען
ס'איז זיך פשוט
נישט צו רעטען
ס'העלפט קיין שרייען
ס'העלפט קיין בעטען
און עס מעהרען
זיך סאוועטען
אפשר ווייסט איהר
פון א „פעטען"
צו דער מאָרע
פון סאָוועטען?

לעניו־טראצקי
לאבען, שפעטען:
„אומעטום"
ז'דא סאוועטען
און זיי ווילען
פראַסט זיך וועטען
אז מען וועט ניט
גלעטען
די מאנגאטען
וועלכע זעטען
זיך אין רייכע קאבארעטען
נאָך סאוועטען:
אך, די מאָרע
פון סאָוועטען !

רוישט אין אויער
שלאָפט מען מיעדע
אין די בעטען —
טרוימען ווידער
זיך סאוועטען:
„רויטע גווארדיעס'
רוסען, לעטען,
רויטע פאהנען
און ראקעטען,
באמבעס, פולווער
און קאטלעטען...
אך, די מאָרע
פון סאוועטען!

זאגט מיין ווייבעל:
„כ'וויל דיך גט'ן,
ווייל עס מאכען
די סאוועטען
פרייע ליעבע
דורך דעקרעטען
ניין, דו וועסט מיך
מעהר ניט טרעטען
כ'וועל שוין מעהר ניט
וואשען, קנעטען,
נעהען, פארקאשער
די מאנזשעטען!"...
אך, די מאָרע
פון סאָוועטען!

און די קינדער,
מיינע שפעטען:
„איך מיר מאכען
זיך סאוועטען!
וואס מיר טאטע?
אך, מע וועט'ן
נעהמען און דעם
קאז צעפלעטען
אוים מלמדים,
נאָט'ס שטאפעטען
מיט די טייטעל־
באַיאָנעטען!...
אך, די מאָרע
פון סאוועטען !

רוישט מיין מוח
פון סאוועטען,
פליהען פונקען
און ראקעטען :
טאנצען ציינען
און קאדעטען,
פאליציסטען,
רויטע לעטען
און איך וויל זיך
ערגעץ רעטען
און נעפינען
דארט א „פעטען"
צו דער מאָרע
פו סאָוועטען...

אין גרויסען מאמענט

פון הרב אליעזר ראובן
מושקין, שיקאגא.

ביסלעכווייז ווערט דער פאליטישער הימעל רוהיגער אויסגעלייטערט; רוהיגער ווערען די בייזע ווינטען פון „האס און צאר", וועלכע האבען געבושעוועט מיט שרעקליכער ווילדקייט. דאס לעבען פאנגט אן אומקעהרען זיך צו זיין נארמאלען איינזעהן: פעלקער קעהרען זיך צוריק צו זייער שאפענדער און בויענדער ארבייט.

די רעגיערונגען, אין וועמענס הענד עס ליגט דער גורל פון נאציאנען, פארגיטי־גען די אונטערדריקטע און פארשקלאפטע פעלקער. אנדערע פון זיי זיינען שוין אויפגעהויבט געווארען אנדערע ווערען נאך עלייטערט אין פיין און שמערץ, אבער א שטראהל פון האפנונג איז אויך פאראן פאר זיי און פריהער אדער שפעטער וועלען זיי באפרייט ווערען און ארויסקומען שטארקער און געזונדער.

איינע פון נאציאנען, וועלכע האט גע־בלוטעט מעהר פון אלע אין דער צייט פון דער וועלט קאטאסטראפע, איז אהן צוויי־פעל דאס אידישע פאלק, וועמען די וועלט איז שולדיג א בעלוינונג פאר די אויסער־געוועהנליכע ליידען. דער ערשטער שריט צו דיעזער באפרידיגונג איז שוין געמאכט געווארען דורך דער בריטישער דעקלארא־ציע, וועלכע האט ערקלעהרט די אידישע נאציאן בארעכטיגט צו אן אייגען היים אין זיין היסטארישען לאנד.

יעדער רעכט דענקענדער מענש וועט אבער צוגעבען, אז אהן אנשטרענגונגען, זאגאר האבענדיג דעם גוטען ווילען פון די גרויס־מעכטע וועלען מיר גאר ניט ערגרייכען. דער אלטער כלל פון „אין אני לי מי לי", וואס איז גענאגט פאר דעם אינדיווידועלען מענשען, איז אויך ריכ־טיג פאר א גאנצע נאציאן. די פעלקער האַ־בען זייעריגע געטאן. וואס האבען מיר אבער געטאן? וויפיעל נייע קאלאניעס האַ־בען מיר געשאפען? וויפיעל נייע תלמוד־תורות ישיבות און סקולס האבען מיר דארטען געבויט אין דער לעצטער צייט? יא, מיר האבען געהאלפען מיט „פענים" און פיליכט מיט דאלארס... אבער דאס איז געווען בלויז, צו שטילען דעם הונגער פון די טויזענדער הונגער־קראנקע וועלכע האבען געשוועבט צווישען לעבען און טויט פאר בויענגע צוועקען האבען מיר נאך כמעט ווי גארנים געטאן.

נור וואס איז געווען איז געווען. איצ־טער איז א צייט פון בגיון! אויב מיר זיינען געווען פאסיוו ביז איצטער, איז נישט קיין תירוץ, אז מר זאלען אויך אזוי בלייבען אויף ווייטער. אוב מיר וועלען בלייבען גלייכגילטיג ביי דיעזען מאמענט וועלען אבער אנדערע נישט בלייבען גלייכ־גילטיג. און אויב זיי וועלען בויען ארץ ישראל נאך זייער גייסט, דאן וועלען מיר שפעטער חרטה האבען, אבער עס וועט זיין צו שפעט.

דער מזרחי האט איינגעזעהן, אז צום טאָן קאנסטרוקטיווע, קאנקרעטע ארבייט דאס דער ארטאדאקסיישער יודענטום, זאל האבען די מעגליכקייט זיך איינצובירגע־רען אין ארץ ישראל מוז געשאפען ווערען ניט נור טויזענדער און הונדערטע טויזענ־דע דאלארס, נור מיליאנען.

דיעזער טהאט, דארף און מוז בא־טראכט ווערען פון יעדען רעכט דענקענ־דען ארטאדאקסישען אידען און וועלכען עס שימערט נאך א שטראהל פון האפנונג פאר שיבת ציון, און א פונק פון ליעבע צו תורה און אידישע נאציאנאל טראדיציא־נעלע געפיהלען. יעדער איינער מוז אנ־שטרענגען אלע זיינע קרעפטען און שא־פען דער אויבען דערמאהנטע סומע. אונ־זער מאטא דארף זיין:

יעדער, ביי וועמען די אויפבויאונג פון ארץ ישראל אויף א עכט אידישען „בא־זים, נאכקומענדע דעם ריינעם אידישען גייסט, נאך זיין מסורה און רעליגיעזע אויפפאסונגען איז טהייער, מוז זיך אנ־שליסען אין די רייהען פון דער מזרחי אר־גאניזאציע און ארבייטען אונערמיעדליך צו ערפילען דיעזען בודזשעט.

זאלען מיר ניט זיין קליין אין דעם גרויסען מאמענט.

ניט געקומען צו קבר ישראל

פארטזעצונג פון פיידוש 5

ווען מען האט יונהן געבראכט אין האס־פיטאל, איהם איבערגעטאן או אוועק גע־לעגט אין וואהרד. א נוירס האט צו איהם נערעדט אבער ער האט גארניט געענט־פערט, ווייל ער האט ניט פיעל פארשטא־נען ענגליש, און אויך ווייל ער האט גע־האט שטארקע היץ. גאר ווען די נוירס האט איהם געפרעגט: „אר יו איי קעטא־ליק?", האט ער געענטפערט: „יעס", ווייל ער האט נערענקט דאס זי פרעגט איהם, אויב ער האט געארבייט ביי די קעדילאק. אזוי איז יומה פארשריבען געווארען אין האספיטאל אלס „רושאן גריזן עי קעטא־ליק". אין עטליכע טעג ארום איז יונה גע־שטארבען, און יונה יואל מירעל־איטעלעס זוהן איז באגראבען געווארען אויף א קרים טליכע סעמעטערי.

באריכט

לחם אביונים

מיט א פיער יאהר צוריק האט זיך אר־גאניזירט א סאסייעטי אונטער דעם נא־מען: „לחם אביונים", א סאסייעטי מיט'ן צוועק צו העלפען ארימע און נויטבא־דערפטיגע. שטיל און רוהיג האט די סאַ־סייעטי געטאן איהרע ביזנעס ארויסהעל־פענדיג ארימע אין די טויזענדער. אלמנות אלמנ'ס, יתומים און גלאט אזוי ארימע האבען געקראגען שטיצע פון דער סאסיי־עטע.

וויסענדיג אז דער פסח איז נאהענט און קיין סך געלד איז אין טרעושורי ניטא און נויט באדערפטיגע אויף פסח איז דא גענוג, האט די סאסייעטי דע־סיידעט צו ראנגען איין פורים באַל, מארטש דעם 7, אין האכמאני האל, איין בלאק פון בראדוויי מארקעט, אויף גרענד ריווער.

קומט און ברייננט מיט אייערע פריינד און גיט א טשענס אלע ארימע צו הא־בען מצה אויף פסח.

פינזעל ארקעסטער פארזיכערט צו גע־בען דאס בעסטע מוזיק. איך וועט זיין פיעלעס צום עסען און צום טרינקען און עס וועט זיין א אבענד פון פערגעניגען.

מיט גרוס,
די קאמיטע.

לעבוויטשער לאנדסלייט האל־טען אפ באגייסטערטען מיטינג.

ארום קארנע 3 מנינים לעבוויטשער לאנדסלייט זענען זיך לעצטען דינסטאג אווענט צוזאמענגעקומען אין האל פון דער שערי צדק תלמוד תורה, ווילקינס סט. און אפגעהאלטען א באגייסטערטען מי־טינג מיט דעם צוועק צו העלפען זייערע ברידער און שוועסטער אין זייער ליעבער שטאדט לעבוויטש.

מר. ד. ראבינסאן, פון דער ראבינסאן־קאהן קאמפ., איז געווען דער פארזיצענ־דער פון'ם אווענט. ער האט אין א קור־צער רעדע ערקלעהרט, אז דער צוועק פון'ם מיטינג איז צו ארגאניזירען אלע לעבוויטשער אידען פון דעטראיט און זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט דער לעב־וויטשער רעליעף קאמיטע פו ניו יארק, וועלכע האט געשיקט א ספעציעלען פאר־טרעטער צו דיעזען מיטינג, אין דער פער־זאן פון ש. יאפע.

אויף א פארשלאג פון מר. יוסף זעליג, איז איינשטימיג באשלאסען געווארען צו צוטרעטען גלייך צו פראקטישע ארבייט און אויך צו פארופען א צווייטען מי־טינג קומענדען מיטוואך אווענט, און זעהן אז יעדער לעבוויטשער איד פון דעטראיט זאל ניט פעהלען אויף דעם קו־מענדיגען מיטינג.

מר. ד. ראבינסאן האט גלייך ער־קלעהרט אז ער־גיט 200. און באלד הא־בען זיך דערצעהלט צוואריסט און דער רעזולטאט איז געווען, אז טראץ דעם קליינעם עולם איז גלייך געשאפען גע־ווארען די סומע פון $725.00

דיעזע פארלויפיגע סומע איז צוזאמענ־געשטעלט געווארען ווי פאלגט:

מר. ד. ראבינסאן — $200. מר. יוסף זעליג 259 קוירבי סטריט — $100; ה. קאפלאנסקי, 94 איליגאיז סט. — $25. ט. ארעלסאן, 203 קוירבי סט. — $50 זעליג נעלפאנד 175 ווילקינס סט. — $25 מאקס ראזען, 195 בענטאן סט. — $25 ר. הערמאן, 122 לילענד סט. — $50 א. לובאווסקי, 367 אלעקסאנדרין; $25 מ. קאפלאן, 235 בענטאן סט. — $3. ח. גרינבערג, 154 ליווינגסטאן — $25; שוסטער, 105 ווילקינס — $50. שלמה ווייגנער, 120 ווילקינס סטריט — $25; מאקס קליין, 195 בענטאן סט. — $10; ט. ש. העלפאנד, 175 ווילקינס סט. $5; בעסי העלפאנד, 175 ווילקינס סט. — $5; מיס צילע טשארלס, 246 הענדרי סט. — $5; ס. ווימקאל, 137 ליווינגסטאן סט. — $5; ח. אייזיקאוויטש, 283 ראַ־ווינא סט. — $10; מ. שטיין, 15פ לי־ווינגסטאן סט. — $10 פ. ראבינסאן — $25.

עס איז ערוועהלט געווארען אן ארגא־ניזאציאנס קאמיטע, וועלכע זאל באזור־כען אלע לעבוויטשער לאנדסלייט, וואס זענען אויף דיעזען מיטינג ניט אנוועזענד געווען און זיי דערמאנען אן זייער פליכט צו זייער אלטער געבורטס שטאדט.

די קאמיטע באשטעהט פון פאלגענדע: אייזיקאוויטש, שטיין, מאקס קליין, מיס געלפאנד, ח. גרינבערג און ה. קאפלאנסקי.

ביי דער ענדע פון'ם מיטינג האט מר. יוסף זעליג פארגעשלאגען, אז ס'זאל גע־גרינדעט ווערען א שטענדיגער פאראיין פון לעבוויטשער אידען אין דעטראיט, און האט מאטיווירט זיין פארשלאג מיט פאלגענדע ווערטער:

„א זייטיגען מענשען קען זיך אויסווייזען נאריש וואס מיר בענקען אזוי נאך אונזער געבורטס־שטאדט, אבער א זיימי־נער מענש קען ניט פיהלען וואס לעב־וויטש מיינט פאר אונז, וועלכע זענען דארטען געבוירען געווארען און פאר־בראכט אונזער קינדהייט.

„לעבוויטש, — האט מר. זעליג ווייטער געזאגט — מיינט פאר אונז א וועלט פון זיסע עראינערונגען, ווען איך טראכט וועגען לעבוויטש, פארוואנדעל איך זיך צוריק אין א קינד...

די זיסע קינדער־יאהרען און לעבוויטש זיינען פאר מיר איינס און דאס זעלבע, און דערפאר איז יענע שטעדטעל מיר אזוי ליעב און טייער, טראץ דעם וואס איך בין שוין אזוי לאנג פון דארטען".

דערנאך האט מר. ראבינסאן גענומען איבערגעבען זיינע זכרונות פון יענער שטעדטעל און די פנימ'ער פון די אנווע־זענדע האבען געשטראהלט פאר נחת: עס האט זיי איבערגעטראגען צוריק צו זייער יוגענד...

עס ווערט ערווארטעט אז קיין איין לעבוויטשער איד פון דעטראיט וועט ניט פעהלען אויף קומענדען מיטינג.



ווילט איהר
סייווען
30 פראצ.?
ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאָווס ראגס, בערינגס פאנאגראפס און לעמפס — דאן קומט צו די —
Standard Furniture andStore Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

מצות נאך אייראפא !
שיקט מצה
צו אייערע עלטערן, קרובים און פריינד אויף יענער זייט ים. 6 יאהר צייט האבען זיי ניט געהאט קיין מצה צו די סדרים. האי יאהר אבער קענט איהר זיי פאר־זארגען מיט די באריהמטע
ר' מאיר לאנדאן'ס מצות
די מצה וואס האט צו זיך קיין גלייכען — 50 יאהר די בעסטע; צוליעב דיעזען הייליגען צוועק פאקען מיר אונזערע מצה אין —
עלף פונטיגע פעקעדזשעס
לויט די פאדערונגען פון פאסט אפיס אזוי אז איהר זאלט זיי קענען שיקען מיט זיכערהייט נאך אייראפא. פעקעדזשעס זיינען פארטיג צו שיקען. די באקסעס זיינען ספעציעל געמאכט פאר דיזען הייליגען צוועק. דער פאסט אפיס וועט דאס פאר אייך דעליווערען. אדערט גלייך! די צייט איז קורץ. אויך דעטראיטער אידען האַ־בען היינטיגס יאהר די געלעגענהייט צו עסען די בעסטע מצה.
ר' מאיר לאנדאָן'ס מצה
מצה, מעהל, קייק מעהל און פארפעל — גראסערי לייט מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס; ווענדעט זיך צו אונזער אגענט — די
O. K. Grocery
36l Winder Cor. Rivard Cherry 6203
פערלאנגט בלויז מאיר לאנדאן'ס מצות פון אייער גראסער די בעסטע אין געשמאק אין כשרות — די ביליגסטע אין פרייז
קאונטרי ארדערס פינקטליך אטענדעט

ירושלים לאזט הערען איהר שטימע

ב"ה, יום ג' ה אדר שנת פ"ר"ת

מיר מאכען באקאנט צו די מנדבים פון די אלע אינסטיטושאנס פון ירושלים און ארץ ישראל, וועלכע האבען די חזקה פון תקנות קדמונים צו האבען דעם זכות פון באקסעס אין די אידישע הייזער, פאר די נדבות אנצוהאלטען דאס לעבען פון די הונגעריגע אין ירושלים און פיר די אויפהאלטונג פון די ירושלים'ער אינסטי־טושאנס נעמליך:

ר' מאיר בעל הנס, ישיבת עץ חיים בקו"ח האספיטאל און בית יתומים דיסקין

און אזוי ווי יעדער פון די גענאנטע אינסטיטושאנס האט זיך גענומען די אויפגא־בע צו צו פארשטארקערען און פארגרעסערען די צאהל פון זייערע באקסעס, און די הכנסה פון זייערע אינסטיטושאנס, צוליעב די גרויסע פאדערונגען פון זייערע בא־דערפניסע. די פארטרעטערס משולחים פון רמב"ה"נ און ישיבת ע"ה ת"ת וב"ח האספיטאל זיינען היער יעצט פאר דיעזען צוועק. איז נאך איין בעראטונג פון איין מיטינג באשלאסען געווארען דאס פיר דיעזען מאל זאלען בידע משולחים מר. זאלין דער משולח פון רמב"ן און הר' ריכטער משולח פון ישיבת ע"ח האספיטאל, צוזאמען נעהן קאלעקטען די געלדער פון די באקסעס און מקבל זיין נדבות פאר די זאגענאנטע אינסטיטושאנס, און זאלען אויך קאלעקטען די געלדער פון די בית יתומים באקסעס. אנשטאט וואס ביז יעצט איז אלעס געקאלעקטעד געווארען דורך איין משולח. די געלדער וועלען זיי איבערגעבען צום טרעזשורער הגבאי ר' אבא קיהאן. געלד מוז געשיקט ווערען נאך ירושלים בעפאר פסח הבע"לט. דער יקרות איז דארט יעצט גרוים, און די הצטרכות אזן אונגעהייער שטארק. מנדבים נכבדים טרייעט צו פארגרעסערען אייערע נדבות אום צו משמח זיין די ארימע פאר דעם הייליגען יו"ט אין דער הייליגער שטאט ירושלים ובזכות זה תזכו לראות בבנין ציון וירושלים.

נאום יהודה ליב לעווין,
הרב דאגרת הקהלה דפה
נאום אברהם משה הרשמאן
נאום יחזקאל איישישקין, רב בדעטראיט
נאום יוסף הלוי אייזענמאן, רב בדעטרויט
נאום אבא אליעזר בר חיים קיידין
נאום נתן אפענהיים

MAR 11 1920
NEW YORK PUBLIC LIBRARY

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. | DETROIT, MICH., Sunday, March 7th 1920 Vol. 2, No 21 | זונטאג, 7-טער מארטש, 1920

ענגלאנד לאדט איין עליעס צופארנעהמען קאנסטאנטינאפאל

ברענענדיגע שיף רופט הילף דורך דראטלאזען טעלעגראף

נויארק, מערץ 6.—א דאמפפער פון דער יונייטעד סטייטס שיפינג באארד „בורשראד" איז אין פייער ארום א טויזענד מייל פון נויארק, לויט א דראטלאזע טעלעגראמע, וואס איז ערהאלטען געווארען אין אטער קייפס, אזוי האט היינט באריכטעט דער נייוועל ראדיאל סטיישאן די „בורשארד" איז געגאנגען פון נאר-פאלק קיין נאנטעס.

...ער אין „יונייטעד היברו ...טים פאראורזאכט 140 ...ענד דאלאר שאדען

...האט אויסגעבראכען א שרעק ...ינ'ם בילדינג פון די יוני... ...יטיס, 239 איסט האי... ...אט שיעור ניט אומגע... ...מאן דזשאהן אסטראור... ...נט אויף 40 טויזענד דא...

...האט זיך אנגעפאנגען אין ...אין דער דזשעניטאר, מר. לו... ...ר וועלכער איז געוועזען דער ער... ...באמערקען דעם פייער, איז צו... ...ט זיין פאמיליע געבליבען אין ...ן די נאכט-קליידער.

...מען רעכנט, אז דער פייער איז פאר-אורזאכט געווארען דורך א צובראכענעם עלעקטרישען דראט.

איינער ערמארדעט און 12 פארוואונדעט אין א באהן-עקסידענט

דזשעקסאן, מיש. מערץ 5. — א דעטראיטער טריין - מאן מיט'ן נאמען עללען רוש. בייקער איז גע'הרג'עט געווארען און צוועלף פאסאזשירען זיינען ערנסט פאר-וואונדעט געווארען, אלס רעזולטאט וואס צוויי וואגאנען פון מישיגאן סענטראל עיר לייו טריין, זיינען אראפ פון די רעלסען און זיך איבערגעקעהרט, נעבען קלארענדאן, לעצטען פרייטאג פריה.

די אורזאך פון דעם עקסידענט איז געווען א צובראכענע רעלסע.

קריעג געגען הויז-שינדערישע סטאר-קיפערס און לענדלארדס אין דעטראיט.

די „יונייטעד סטייטס פעיר פרייז קאמיטע" פאר מישיגען סטייט אונטער דער פארזיץ פון וויליאם פ. קאנאלי, האט לעצטען מיטוואך אנגעפאנגען איהר ארבייט דערמיט וואס זי האט אויסגעהערט איינע קלאגען פון'היגע בירגער געגען מאנכע הויז - שינדערישע לענדלארדס און סטאר קיפערס.

די ערשטע קלאגע וואס די דאזיגע קאמיטע האט לעצטען מיטוואך אויסגעהערט, איז געמאכט געווארען פון יונייטעד סטייטס מארשאל הענרי בערענדט, ער האט באשולדיגט די פירמע סאבערג בראס, אייגענטימער פון א סטאר אין 728 וואודווארד עוו., ניט נאר, אז זיי רעכענען הויכע שרייענדע פרייזען פאר שפיז און „קענר" ארטיקלען, נאר אז זיי האבען צווייערליי פרייזען פאר אלע ארטיקלען.

די ערשטע ארבייט פון דער קאמיטע וועט ווארשיינליך זיין אויסצופארשען די פרייזען פון גראסערים און בוטשער-שעפער.

סאוועטען אטאקירען פינלאנד

ענגלאנד לאדעט איין עליעס צו פארנעהמען קאנסטאנטינא-פאל.

לאנדאן, מארטש, 6. די צייטונג „טעלעגראף" באריכט, אז די עליעס האבען באשלאסען צו פארנעהמען דורך מיליטער און פלאטע קאנסטאנטינאפאל. די אורזאכע ווערט אנגעגעבען זאל זיין דאס, וואס טערקיי פארפאלגט נאך אלץ די ארמענער.

ווי די צייטונג גיט איבער שטאמט דיזער באשלוס פון ענגלאנד, וועלכע איז ענטשלאסען צו פארנעהמען קאנסטאנטינאפאל און וועלכע האט איינגעלאדען פראנקרייך און איטאליען מיטצוהעלפען איהר, זייער ענטפער ווערט ערווארטעט.

סאוועטען ארמיי שלאגט זיך דורך צום צפון ים.

לאנדאן, מארטש 6. א דראטלאזע טעלעגראמע פון מאסקווע גיט איבער, דאס די רויטע ארמיי האט זיעגרייך זיך דורכגעשלאגען א וועג צו די ברעגען פון דעם צפון ים. די זעלבע דעפעשע מעלדעט, אז די מורמאנסקער אייזענבאהן איז ריין פון די אנטי סאוועטען טרופען.

באלשעוויקעס פאלען אן אויף פינלאנד

לאנדאן, מארטש 6. לויט דעם העלסינג-פארסער קארעספאנדענט פון דער „סענטראל ניוס", האבען די באלשעוויקעס אנגעפאנגען אן אטאקע אויף פינלאנד.

א צווייטער באריכט גיט איבער, דאס פעלדמארשאל לודענדארף באגלייט פון א גרויסען שטאב איז דורכגעפאהרען די פינלאנדישע טעריטאריע אויף זיין וועג קיין רוסלאנד.

פראנצויזישער שרייבער פרעדיגט פיעל ווייבעריי

פאריז, מערץ 5 — „דער וועלטס גרעסטע און בלוטיגסטע מלחמה וועט געפאכטען ווערען צווישען ארמייען פון מענער און פרויען".

אט אזא מין סענסאציאנעלע ווארנונג האט היינט ארויסגעגעבען דער באוואוסטער פראנצויזישער שרייבער עדוארד פאנטע, אין אן אפהאנדלונג געגען פרויען-שטימרעכט.

„די ארמיי פון פרויען וועט זיין פיעל גרעסער ווי די ארמיי פון מענער", זאגט וואנטע צווישען אנדערש. „פרויען האבען גרויס חשק צו נעהמען נקמה פאר זייער לאנג יאהריגע שקלייפעריי צו די מענער, און עס איז גאנץ מעגליך, אז זיי זאלען ארויסקומען די זיעגער".

איך גלויב — האט פאנטע ערקלעהרט — אז דער איינציגער וועג צו פארמיידען דיעזע מלחמה, איז נעזעצליך צו מאכען פיעל-ווייבעריי, און דורך דעם וועט די צאהל פון אומפארהייראטע פרויען ווערען פיעל קלענער. אבער פאליגאמיע איז ניט פראקטיש, כל זמן דער הויכער קאסט פון לעבענס - מיטלען וועט בלייבען ווי עס איז ביי איצטיגער צייט קען א מאן ניט באוויזען צו האבען מעהר פון איין פרוי".

פראנקרייך — זאגט פאנטע — איז ניט די איינציגע מדינה, וואס האט פרויען מעהר ווי מענער, נאר גאנץ אייראפא ליידעט פון דער דאזיגער דיספארציע".

דער דאזיגער סענסאציאנעלער ארטיקעל האט אויפגעשטורעמט די געזעלשאפטליכע קרייזען פון פאריז.

מיטגליד פון א „גענג" זאגט אויס פון הדר

קאר'ס קאורט אנגעפאנגען דער פראצעס פון די דריי חברה-לייט. דזשא קושנא, פרענק וואליים און פרענק קערענסקי, וועלכע זיינען ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע, אז זיי האבען געמאכט א „האלד אפ" אויף סטעגלי זאיעץ דעם 11 [...] דעצעמבער 1919 און איהם בארויבט [...] $10[...] און פאר $96 וואהיסקי [...]

צוזאמען מיט זיי [...]טירט געווארען יאזעף וואלע[...] וועלכע האט איצט באשלאסען זיך צו שטעלען אין דיענסט דער אנקלאגע און אויסזאגען אלעס פון חדר.

וואלעווסקי איז געקומען אין געריכט עדות זאגען אונטער דער באגלייטונג פון עקס באוואוסטע דעפוטי שעריפס, ווייל ער האט געקראגען א ווארנונג פון זיינע חברים, אז ער וועט באצאהלען מיט זיין לעבען, אין פאל ער וועט וואגען אויס צוזאגען פון חדר.

וואלעווסקי האט דערצעהלט, אז דיא רויבעריי איז געווען א גוט נעפלאנטער „פריים אפ". ער אליין די טריא און א געוויסער סטעגלי קייזער, זיינען אוועק צו זאעצ'ן און איהם דערצעהלט וואס פאר א גרויסע גליקען ער וועט מאכען ווען ער וועט זיך אריבערכאפען קיין ווינדזאר און זיך איינקויפען וואהיסקי. זאיעץ האט זיך געלאזט איינשמועסען איז אוועק אין באנק און ארויסגענומען $200. אוועקגעפאהרען קיין ווינדזאר, זיך איינגעקויפט פאר $96 „בוז" און ווען ער איז צוריקגעפאהרען האבען איהם די באנדיטען מקבל פנים געווען און צוגענומען דיא וואהיסקי מיט די איבעריגע $104.

ווען די חברה זיינען ארעסטירט געווארען האט וואלעווסקי זיך גלייך ערקלעהרט שולדיג, און ער האפט, אז דורך [...]ן אויסזאגען פון חדר וועט איהם גע[...]ען צו קריגען באגנאדיגונג.

סטעגלי קייזער, וועמען וואלעווסקי האט דערמאנט, איז אנטלאפען פון דעטראיט און די פאליציי זוכט איהם יעצט ארום מיט ליכט.

גרויסער עולם קומט הערען מ. אלגין

פאר אן איבערגעפאקטען זאל, האט דער באוואוסטער זשורנאליסט מ. אלגין לעצטען פרייטאג אוונט געהאלטען א לעקציע איבער דער טעמא „די אידישע ליטעראטור אין אמעריקא".

הער אלגין האט ארויסגעבראכט דעם געדאנק, אז א נייע אידישע ליטעראטור אין אמעריקע פאנגט זיך אן מיט דער גרויסע מאדערנע שרייבער, וועלכע איז באקאנט אלס „די יונגע". די ערשטע אידישע עמיגראנטען זיינען געשטאנען אויף א נידעריגער קולטור-שטופע, און דערפאר האט זיך די ליטעראטור אין אמעריקע, ביז די יונגע, געמוזט צופאסען צום ביליגען געשמאק פון דער מאסע.

און דאס איז אויך, לויט הער אלגין, די אורזאכע, ווארום די אלטע אידישע ליטעראטור איז ניט געווען קיין בייענדע, נאר א בהפזו'דיג צוזאמענגעשטעלטע און זי האט אין די אויגען פון דעם היינטיגען איבערלעגענט קיין שום ווערט ניט.

אויף דעטראיטער גאסען

באנדיטען באפאלען רעסטאראן אין רייבען 200 דאלאר

נעכטען פינף אזייגער אין דער פריה האבען דריי באנדיטען זיך אריינגעריסען אין רעסטאראן פון פ. וו. חריסטאווסקי, 1475 וואודווארד עוו., בארויבט 200 דאל. און אנטלאפען.

הארלד הובארד, אן אנגעשטעלטער אין יענעם רעסטאראן און 2 קאסטאמער, זיינען צוגעשפארט געווארען צו א וואנד און צוויי חברה און דער דריטער האט גע-מאכט דעם „דזשאב" ביים קעש רעגיס-טער.

דראג סטאר בארויבט אין מיטען העלען טאג

נעכטען 1 אזייגער נ. מ. האבען באנדיטען זיך אריינגעריסען אין דער דראג סטאר פון וויליאם פעלי, 1070 וואררען עוו. וועסט, און ארויסגעלקח'ענט פאר $100 קאקיין און מארפין, $26 פון קעש רעדזשיסטער און אוועק גלייך ניט זיי מיינט מען.

שיסט זיין געליעבטע(?) אין מיטען גאס

עסטעל דעבני, א ניגערטע, 21 יאהר אלט, פון 264 מולעט סט. וועלכע איז געווען אנגעשטעלט אלס עלעווייטאר פיהרערין אין האטעל קאדילאק, איז פרייטאג אוונט דערשאסען געווארען פון אן אומבאוואוסטען מענשען, ווען זי האט שפאצירט מיט איהרען אן „איכאזשאר", קאלווערסאן דזש. ניקס.

די פאליציי דענקט, אז דאס האט געטאן א פארליבטער אויס אייפערזוכט.

דאס מיידעל איז געשטארבען אין רעסיווינג האספיטאל באלד ווי מען האט זי אהין געבראכט.

אפילו באנדיטען געלינגט אמאל אויך ניט

נעכטען 2 אזייגער. בייטאג האט פאלימאן טשארלס דאסאן געזעהן אז אויטאמאביל זיך אפשטעלען נעבען דער אמעריקאן בענק און אוקלאנד מיט פארדעכטיגע חברה.

ער האט זיך אוועקגעשטעלט אכטונג געבען וואס ווייטער וועט זיין און האט באלד דערזעהן, ווי דריי חברה געהן אראפ פון דער קאר, און נעהמען זיך גלייך אויפברעכען די טיר פון דער באנק.

דער פאליסמאן האט לענגער ניט געווארט און גלייך אפגעפייערט דריי מאל אין דער לופטען מיט זיין רעוואלווער.

די 3 חברה-יונגען האבען גלייך גע-צויגען רעוואלווערען און ס'האט זיך אנגעפאנגען א שיסעריי, אבער צוויי האבען באלד חרטה געקראגען און אנטלאפען און דער דריטער איז אריינגעשפרונגען אין קאר, אנגעיאגט די לויפענדע באנדיטען, אריינגענומען זיי אין קאר און „פאשאל".

דער פאליסמאן זאגט, אז ניט ווענייגער ווי 12 בולעטס זיינען אויסגעשאסען גע-ווארען אין דעם דועל און ער איז זיכער, אז איינער פון די באנדיטען האט געקראגען א בולעט פון זיין רעוואלווער.

אין באנק האט זיך דעמאלט געפונען 50 טויזענד דאלאר.

קוילעט זיין פרוי און זיך אליין מיט א יאטקע מעסער

א שרעקליכע טראגעדיע האט זיך נעכטען אפגעשפיעלט אין הויז פון 1256 דזשאזעף קאמפאו.

א דריי יאהריג איינגעל האט צוגעקוקט ווי זיין פאפא, מעק סערדינסקי, האט מיט א בוטשער - מעסער פריהער איבערגעשניטען דעם האלדז פון זיין מאמא און דערנאך זיך אליין דערקוילעט מיט'ן זעל-בען מעסער.

די פרוי איז גלייך געשטארבען און ווען די דאזיגע שורות ווערען געשריבען, ליעגט סערדינסקי, אין סעמיריטאן האספיטאל אין א שטארבענדען צושטאנד.

שכנים וואס האבען דערהערט. דאס קריעגעריי פון דער פאר פאלק האבען טע-לעפאנירט צו דער פאליציי, אבער ווען פאליסמאן ל. ב. שארפ איז אנגעקומען איז שוין געווען צו שפעט. ער האט זיי ביידען געטראפען אין א טייך בלוט און די פרוי איז שוין געווען טויט.

שכנים דערצעהלען, אז דאס פאר פאלק פלעגט זייער אפט פיהרען קריעגערייען.

עס איז ווערט צו באמערקען, אז זייט דעם ערשטען פעברואר, זיינען שוין אין דעטראיט פארגעקומען זיעבען אזעלכע פעלע.

באנדיטען באנוצען זיך מיט עראפלאנען

די וויסענשאפט טוט אויף וואונדער!

דער ערשטער ערפינדער פון דעם אויטאמאביל האט זיכער אין זינען ניט געהאט, אז זיין „מאכענאציע" וועט אזוי צוניץ קומען פאר דער חברה פון דער אונטערוועלט, און דער ערפינדער פון דעם עראפלאן האט אפילו וועגען דעם ניט גע'חלומ'ט.

עס ווייזט זיך אדער ארויס, אז באנדיטעריי איז היינטיגע צייטען געווארען א וויסענשאפט. אויטאמאביל-באנדיטען זיינען שוין היינט אן אלטעגליכע זאך און אין גיכען וועט שוין מסתמא אזוי זיין מיט עראפלאן-באנדיטען.

אין סט. פאול מינעסאטא, זיינען לעצטענס ארעסטירט געווארען צוויי תכשיטים וויליאם און מייקעל פלין, וועלכע האבען בארויבט א באנק אין בענסאן, נעבראסקא.

עס ווייזט זיך יעצט ארויס, אז די חברה-יונגען זיינען געווען אין סט. פאול מיט 2 שטונדען שפעטער, ווי די רויבעריי איז געמאכט געווארען אין בענסאן, נעב. דאס איז א שטח פון 170 מייל, און בלויז די שנעלסטע לופט-שיף האט זיי גע-קענט אריבערפיהרען קיין סט. פאול אין אזא קורצע צייט.

דער קאונטי אטארני פון יענעם געגענד, ר. ד. א'בריען, איז פאלשטענדיג זיכער אז די צוויי יונגע לייטלאך האבען זייער רייזע פון בענסאן קיין סט. פאול געמאכט אין אן עראפלאן.

דער גרעסטער אויטא-עקספערט פון סט. פאול האט ארויסגעגעבען אן ערקלערונג, אז מיט דעם בעסטען אויטאמאביל, אפילו מיט אזעלכען, וואס לויפט 40 מייל א שטונדע, איז ניט מעגליך צו מאכען אזא שנעלע רייזע ווי די צוויי באנדיטען האבען באוויזען מיט זייער גלאף פון בענאן קיין סט. פאול.

אלזא מ'מעג זיך אין גיכען ריכטען אויף א גאנצען „עראפלאן קארפוס" פון רויבער, מערדער און באנדיטען.

ערמארדעטען איטאליענער געפונען אויף א אידישען בית-עלמין

נעכטען אין דער פריה איז ביי דעם פארקאן פון בית דוד סעמעטערי געפונען געווארען א צושניטענער קערפער פון א מאן, וואס האט אמאל געהייסען טאני סאנטוצי און געוואוינט אין 239 שערמאן סטריט. זיין שארבען איז געווען אויף שטיקלאך צו שפאלטען מיט א האק, און דער האלז צו שניטען מיט א בוטשער מעסער. די האק און דער מעסער זיינען געלעגען נעבען קערפער.

דער קערפער איז געפונען געווארען פון סטעפען דעוואנאווסקי, א-געוועזענער דעטראיטער פאליסמאן.

מען דענקט, אז דער מאן איז דער הרג'עט געווארען אין מיטען נאכט. אויף דער סעמעטערי, זיינען געווען שפורען פון אויטאמאביל - שינעס, און דער קערפער איז געלעגען אין א טייך פון בלוט.

ביי דעם ערמארדעטען אין קעשענע האט מען געפונען א קארד מיט'ן נאמען טאני סאנטוצי און א פארד. ארבייטער בעדזש, נומער 6044.

דעטראמער דאקטאר מוז צאהלען זיין עקס-פרוי $31,000

דר. ט. מ. הארט, וועלכער האט מיט איינינע וואכען צוריק ארויסגעגעבען א גט זיין פלונית'טע, וועט איצט מוזען צוטראגען זיין געוועזענער פרוי די סומע פון $31,000 פאר „ברעכען איהר הארץ", לויט אן אורטייל פון דזשאדזש וואלטער נארטה פון בעטל קריק, מיש.

אויסער דער אויבענדערמאנטע סומע, וועט אויך דר. הארט, לויט דעם אורטייל דארפען צאהלען $50 פאר דער אויפפאסונג פון זייער ניין יעהריגער טאכטער ביז זי וועט אלט ווערען 14 יאהר.

אין פארלויף פון'ם פראצעס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דר. הארט האט זיך מאנאטען לאנג געפריינדעלט מיט א געוויסער גרושה, וואס טראגט דעם נאמען מויעל קורטים

דזשאדזש נארה איז געווען מיט דער מיינונג, אז מרס. הארט איז בארעכטיגט צו דער צוגע'משפט'ער סומע אויף דעם גרונד, וואס דר. הארט האט ניט געהאט א סענט ביי דער נשמה בשעת זיין אפגעגט'ע פרוי האט מיט איהם געהייראט, און עס איז געוועזן איהר מזל און איהר שפארזאמקייט, וואס האבען געמאכט דר. הארט פאר א רייכען מאן.

מערי פיקפארד וויינט מיט אמת'ע טרעהרען!

לאס אנדזשעלאס, קאליפארניא, מערץ 6. מערי פיקפארד האט היינט ענדליך אויפגענומען צייטונגס-רעפארטערס און זיי פארזיכערט מיט אמת'ע טרעהרען, אז מעהר געהט זי שוין ניט חתונה האבען.

איך האב געזוכט א גט, האט מערי גע-זאגט, ווייל איך האב געוואלט זיין פריי. מר. מור איז א באצויבערענדער מאן און זעהר זשעניאל, אבער עס זיינען פאראן מאמענטען, ווען זאגאר צוויי זשעניאלע מענשען קענען ניט שטימען".

40 ארבייטער לייכט צוברענט פון צושמאלצענעם אייזען

40 ארבייטער האבען נעכטען ביינאכט זיך געראטעוועט פון א טראגישען טויט, ווען אין דעם פלענט פון דער שווייד קרוסיבל קא. האט עקספלאדירט א קעסעל מיט 2 טאן צושמאלצענעם אייזען. די דריי ארבייטער וועלכע זענען געשטאנען לעבען קעסעל זענען ערנסט פארוואונדעט געווארען.

גליקליכערווייז, האבען די ארבייטער דערהערט אין צייט דאס זידען פון דעם צושמאלצענעם מעטאל און די מעהרסטע פון זיי האבען זיך ארויסגעראטעוועט. די ארבייטער האבען גלייך אנגעפאנגען צו פארלאזען די געביידע און 40 פון זיי זענען לייכט צוברענט געווארען דורך דעם פליהענדע צושמאלצענעם שטאל, וועלכער האט דורכגעברענט זייערע קליידער און אראורזאכט שווערע וואונדען.

די דריי וועלכע זענען געשטאנען לעבען דעם עקספלאדירטען שטאל האבען קיין צייט נעהאט ארויסצולויפען. זיי זענען אוועקגענומען געווארען אין האספיטאל „האטעל דיו". מ'גלויבט, דאס זיי וועלען אפגעראטעוועט ווערען.

פון דעם פליהענדען ברענענדיגען שטאל האט דער פלענט אנגעפאנגען צו ברענען, און דער פייער דעפארטמענט איז גלייך ארויסגערופען געווארען און עס האט זיך איינגענעבען אפצושטעלען דעם פייער. דער שאדען פונ'ם פלענט איז ניט באדייטענד.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

„די פאליטישע וואך" איז נישט קיין איין צופעליג ארטיקעל, נאר אן אפטיילונג וואס וועט געדרוקט ווערען אלע זונטאג אין „וועג". דורך א סיבה איז דאס ערשטע ארטיקעל אפגעלעגט געווארען אויף מאנטאג. פון דיעזער אפטיילונג געשריבען פון אונזער מיטארבייטער ז. ק. וועט זיך דער לעזער באקענען מיט די וויכטיגסטע פאליטישע געשעהענישען פון דער וואך אין אייראפא און אין אמעריקא.

וואס זיינען די פארדינסטען אין דער פאעזיע פון אונזער גאסט פ. מ. ראסקין — וועגען דעם שרייבט אין מארגענדיגען נומער פ. י. גאלדשטיין אין זיין לייט-ארטיקעל.

ישראל ראבינאוויטש פארענדיגט מארגען אין זיין צווייטען (לעצטען) ארטיקעל די טעמא „וואס איז אזוינס אידישע מוזיק?

א פראכטפאל שעהן און שטארק ליעד „ניט ווייז!" האט פאר'ן מארגענדיגען נומער אנגעשריבען אונזער גאסט, דער פאעט פ. מ. ראסקין.

די וואס זיינען פאראינטערעסירט מיט דער „היברו האספיטאל אסס'ן זאלען ניט פארפעהלען צו לייענען אין מארגענדיגען נומער „וועג" די תשובה פון דעם פרעזידענט פון דער אסס'ן א. קאצין צום רעדאקטאר פון „וועג", פון וועלכער עס וועלען קלאהר ווערען אלע פאקטען און שווערינקייטען, וואס די אסאסייאישאן איז זיך אויסגעשטאנען.

אין מארגענדיגען נומער וועט געדרוקט זיין דער פולער באריכט פון דער ערשטער זיצונג פון דעם אקציאנס קאמיטעט אין לאנדאן.

לייענט איהר אלע טאג די לעצטע פיידיש ארטיקלען פון „וועג"?

דער באוואוסטער חזן
ל. ה. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע
עופרידענהייט.
57 קעמערא׳ עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון
אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואו
קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס
קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקייל
רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע
פרייזען מעסיג. ערענטליכע בעהאנד-
לונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקסטשור קא.
305 גראשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

פערלאנגט פעהיגע קענוועסער פאר׳ן „וועג״
יונגע לייט וואס ווילען מאכען געלט
פאר אייניגע שטונדען ארבייט צו קענווע-
סען פאר סובסקרייבער פאר׳ן „וועג״ גר
גע קאמישאן ווערט געפעדערט. איהר קענט
דאס טהאן ווען איהר האט פרייע צייט.
זיך מעלדען יעדען טאג און אווענדס
אין אפיס פון „וועג״ 347 הייסטינגס סט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
נעמופט פון 427 וואודוואדר
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע
מאכט נאר פון פיינער האוואנא.
פרובירט איינם א דוראנד. איהר וועט
קיין חרטה נים האבען. פאדערט דור
ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO.
געמאכט אין דעטראיט

די מאדערנסטע הייל מעטהאדען פאר פליכעוואטע
איז עס מעגליך אז האר זאל וואקסען אויף א פלך?
דאס איז די אייביגע פראגע
אפילו די מאנופעקטשורערס פון די בעסטע אדאערטייזטע היילמיטלען פאר האר וואקסען, זאגען, דאס די ווארצלען פון די האר זיינען טויט, ווען די מיטלען זייע-רע ברייגנגען נים דעם געוואונשטען רעזולטאט. עס איז נאר דא איין מיטעל ווי אזוי צו מאכען אז האר זאלען וואקסען אויף א פליכעוואטען קאפ און דאס איז:
הײלט זיך מיט דער נאטור
גרין׳ס רעצעפּטען וועלכע זיינען געמאכט פון נאטירליכע גראזען און אנדע-רע נאטור־זאכען זיינען אזוי ווירקזאם פאר האר וואקסען. ווי די מיט־נאטור זעלבסט. עטליכע באהאנדלונגען וועלען אייך איבערצייגען ווי גוט עס ווירקט גרין׳ס מיטעל פאר פליכעוואטע, פאר די ביי וועלכע די האר פאלט אויס און אויך פאר קאפ שמערצען.
S. Green
769 בוביען סטריט — דעטראיט, מיש.

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער הענגינג
דעקארייטאר און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען.

ווילט איהר אייערע
טלעסער, שליסלען קארפענ-
טער־זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלססט.

דזשולערי סייל
אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע
זייגערס
מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.
רינגען
גאלדענע בראטשעס מיט אמתע קעמיאס. ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע
קדושין רינגלאך
גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען
The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעווייטער.

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דייאמאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

אכט פעמילי פרייס $30,000
5 רומס און בעטה יעדער אפ פיניש, סטים היט. שעהנער געגענד אויף דער וועסט סייד. איינגאהמע $4,200. צאהלען מאנאטליך $175. קעש $6,500. פרעגען 316 מעקגראו עוו. (7)

גרויסער גליק
צו פארקויפען א בייקערי שאפ אויף דעם בילדינג — פינף פעמילי פלעט און דריי גודס סטאר. פרעגען: מר. קאשי-נעווסקי, 1270 קעמפבעל עוו. איסט (8

צימערען צו פארענטען פון א קאטעדוש אין אקלאנד ביי א קאפעל — גוט נאר פאר יונגע לייט מיט איינגע פארניטשור. נאכפרעגען: בורשטיין, 373 סט. אנטוויין, טשערי 4098 דזשי.

א שניידער פארלאנגט סטעדי ארבייט פאר אלטערייישאנס 40 דאלאר א וואך פרעגען אין דעניעלס פלייס, 196 פּירסט סטריט, קאר. מישיגען.

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער מענש וועט קריגען גוט באצאלט, זיך ווענדען צום סופּעראינטענדענט מר. איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א נאכט צע וואך.

האלס
צו פארענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי-טעראַרישע אווענטען קאנצער-טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגט אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

שעכטער׳ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט
די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

C. W. Kotcher Lumber Co.
בעסטער אלערליי צו יעדער צייט
ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס
Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.
Melrose 3390

REO
האט איהר שוין געזעהן דעם נייעם ריא זעקס סעדאן?
דאס שעהנסטע, קלאסישסטע וואס איהר קענט זעהן אויף אונזערע גאסען איז דער נייער ריא זעקס סעדאן.
מיר דענקען אז עס איז דער שעהנסטער עקיפּאַזש וואס ריא ריא שאפס האבען ווען געמאכט.
דער ווין איז אלא מאר און דער פינס איז פאלקאס.
אינוועניג איז די קאר און אלע הינזיכטען עטוואס וואס קיין בעסערעס קענט איהר ניט פארלאנגען.
אין קוואליטי און ווארקמאנשיפ האלט עס אויס די מאטא וואס די ריא שטעלט זיך צום מאנופעקטשורען א קאר.
איהר וועט דארפען זעהן און מאכע פאהרען אויף אזא קאר אין דאן וועט איהר קענען אפשאצען די קאר פאר עקסעלענץ
Detroit Branch 975 Woodward
Phone Glendale 8175
Reo Motor Car Company, Lansing, Michigan

פארד קארס און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר-קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

ווארע ביליג פאר סטאר־קי-פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפּער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפּ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפּטאמעטריסט, ער וועט אייך פּערזענליך און וויסענשאפטליך צופּאסען די נויטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפּאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
געהט צו אייער גוט באקאנטען
אפּטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קליינג׳ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך׳ס דזשולערי סטאר.

קויפט וואו אלע קויפען
גודס, פענסי דריי גודס, קויר-טענס, קווילטס, בלענ-קעטס, בעסטע ברענד אונדערוועהר
ספעשעל רעדאקשאן פאר פעברואר!
מאכט קיין מיסטייק!
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קדושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

צו אלע דעטראיטער פעדלערס:
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר
אלערליי באטלס.

דוד האפמאן; מענעדזשער
ניו יארק סטאר קלאדינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשעקעטס
פורנישינג, העטס, יאנג מענס
און בויס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע
סיגסטע אין שטאט.
פ. בונין. פראפ.

פארלאנגט אגענטען סוב-סקרייבער פאר׳ן „וועג״. ליבע-ראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג״.

קלאוקס, סוטס, קוואסעלאוו און קאטליערים
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לאדיס פורנישינגס, נייע גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 3595 דאבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט אש און גאר-בעדזש, סעמענט רעספּעקטיקעלס, ווייל פון 1־טען מארטש ווערט די פרייז געהע-כערט
ווארט נים ביז די באארד און העלט וועט אייך באדערען.

JUDGE GAINEY
HAVANA
CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

באַרגיינס אין הייזער
א הויז צו פארקויפען אין 165 וועסט-מינסטער. 10 רומס, 3 אויטאמאביל גא-ראדזשעס. דער לאט ארומגעמט 50 ביי 125 פוס. האט אלע אימפּראוומענטס פרייז 14 טויזענד דאלער. קעש פיער טויזענד דאלער.
פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690.

א הויז צו פארקויפען אין מארסטאן נעבען דזשאן אר. 11 רומס, מיט אלע אימפּראוומענטס. דער לאט 65 פוס. קעש 3,500 דאלאר.
פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן העמלאק 2690

אינטעליגענטען

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

ער האט זיך ארויפגעלעגט די האנד
... די אויגען און האט א גליקליכער
... ארם, ביז זי וועט איהם געבען דעם
... פארבראכענעם אפיום.
... אין א לאנגער טערקישער ליולקע פון
... נערי' עס האט ארויסגעשיינט א זיל-
... ע קליינע פיגור, וואס האט אויף א
... פאנטאסטישען אופן פארגעשטעלט
... שטאלט מיט צוויי קעפ. — איין קאפ
... עוועזען פון דעם גאט פון ליעבע
... און דאס צווייטע געזיכט איז
... ק שרעקליך געווען צו דעם סקעלעט
... שטעלט מיט זיך פאר דעם טויט.
... דאזיגע ליולקע האט זי אנגעשטאפט
... שטארקען טירקישען טאבאק וועל-
... איז אויך געשפריצט מיט פערפיום
... האט דאס איהם דערלאנגט.

— מעהר איז ניטא און זאל דיך גאט
... אז דו זאלסט ווען וואגען נאך
... ל צו בענקען נאך דעם! — האט זי
... א זאג געגעבען מיט אן ערנסטען
... על. זי האט געוואוסט, אז זי נארט
... אפ. אבער זי איז געווען צופרידען
... דיג, אז זיין פערלאנג נאך אפיום,
... בענקשאפט נאך אילוזיעס, וועט
... זיין גענוג צו פערשיכור'ן. בעת ער
... רויכערן די ליולקע, ניט האבענדיג
... מינדעסטען פערדאכט, אז דאס איז
... זין אפיום.

— נור פריהער זאלסטו אויסטרינקען
... וויין! טרינק מיט מיר! — האט זי
... ר גערעדט און האט איהם אנגעגא-
... יין גלאז וויין נאכ'ן צווייטען.
... האט ערפילט איהר פערלאנג, האט
... עטרונקען דעם וויין און זיך זעצענ-
... ויפ'ן טעפיך אין מיטען צימער,
... זי איינגעדרעהט דאס עלעקטרישע
... און האט איהם אנגעצינדען זיין
... עס איז געווען ארום א האלבע
... און די קאליערען רייכע בעלייכטונג
... בער דעם סופיט זיך אפגעשפיגע-
... ו דעם פענסטער פון זיין צימער,
... ויענדיג אנגעטרונקען מיט וויין
... נדיג די ליולקע אין מויל און
... 'ן זיך דעם רויך איז בעהיישט
... געוויקעלט אין א ים פון

... מיידעל איז יעצט פאר
... איהר גאלדענע לאקען

צעווארפען ווי א ים כוואליע ארום דעם קאפ פון א וואסער נעטין.

מיט איין האנד האט זי געצויגען די סטרונעס פון דער גיטאר און איהר ליעד האט איהם אזוי גערייצט און פערכשופ'ט און מיט דער צווייטער האנד האט זי איהם געצויגען צו זיך.

— קום מיט מיר, איך בין שוין גרויס, גרעפין איז פאלש, זי בעטריעגט איהר מאן איך האב קיינעם ניט. מיך האט מיין אייגענער טאטע פערקויפט. קום דו צו מיר, דיך האב איך ליעב, נור דיך...

און באלד האט זיך פאר איהם אויפגעדעקט א צווייטעס בילד: די גרעפין. זי איז געשטאנען פאר איהם און האט איהם געקושט און די ליפען.

— יעצט בין איך דיינע דיינע! — ער גראף איז שוין טוידט. איך האב איהם אליין ערמארדעט, איך האב איהם אנגעבען וויין געמישט מיט גיפט.

ער האט אפילו ניט געפיהלט ווי די גרעפין האט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם אויף דער ערד, ווי אזוי זי האט איהם געגלעט און געקושט. ער האט מיט אמאל דערפיהלט, ווי ער באדט זיך אין א ים מיט ליכט. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אימיצער וואלט איהם צוגעמאכט א פאר פליגעל פון א אדלער און ער שוועבט אלץ העכער און העכער אין דער לופטען. אט איז ער שוין צווישען די וואלקענס, אט דערגרייכט ער די שטערען, און ער באדט זיך אין זייער ליכט.

אט שטעהען פאר איהם אין א צירקעל אלע גריכישע מיטהאלאגישע געטער, און אלע זענען אזוי ריעזיג גרויס און געטליך שעהן און שטארק. נאך טויזענד מאל ערהאבענער ווי ער האט זיי אלס קינד געזעהען ביי זיך אין דער פאנטאזיע, בעת ער פלעגט לעזען וועגען זיי.

דאס איז געווען דער גליקליכסטער טרוים זיינער. אט האט ער פאר זיך געזעהן אפאלא, דעם גאט פון מוזיק און געזאנג, מיט זיינע גאלדענע לאקען און אויף א הארפע וואס האט אפגעשיינט אזוי העל ווי א בליץ און מיטען א פינסטערע נאכט, האט ער פארגעשפיעלט א ליעד, א גן עדן ליעד, וואס האט אי באַרוהיגט, אי גערייצט. אין דעם דאזיגען ליעד האט ער זיך איינגעטראכט מיעה, ווי ער וואלט וועלען, עס זאל אויף עביג בלייבען איינגעקריצט אין זיין זכרון און באלד נאך אפאלאן איז ארויסגעשוואומען באקכוס, דער גאט פון וויין און א גאלדענעם באקאל, געזעצט מיט געשליפענע בריליאנטען, האט ער איהם געבראכט בלוט רויטען וויין.

דער וויין איז געווען זודיג הייס, נור ווען ער האט איהם געטרונקען האט ער געפיהלט ווי ער לייטערט און קיהלט אב און ווירקט אזוי געמיטהליך אויף די נערווען, נור דערנאך איז ער בערוישט געווארען, ווענוס די גריכישע געטין פון שעהנהייט און גראציע איז פאר איהם ערשיענען מיט איהר גאנצער צויבערליכער געשטאלט.

— נור מיך זאלסטו ליעבען, נור מיך, קיין שעהנערע פרוי פון מיר האבען אפילו די געטטער ניט געקענט בעשאפען!

— האט זי צו איהם געזאגט.

נור אט האט זיך דאס פייער אין זיין ליולקע אנגעהויבען לעשען, די אלע געשטאלטען האבען זיך אנגעהויבען אפרוקען אלץ ווייטער און ווייטער. דאס גאנצע בילד איז ווי מיט איינמאל אפגעשטארבען און אין קאפ האט ער דערפיהלט ווי א שווערע משא וואלט אויף איהם ארויפגעפאלען און ער ראנגעלט זיך, ראנגעלט זיך מיט די לעצטע קרעפטען, ביז ער פאלט אין אונמאכט.

יעצט זעהט ער שרעקענס בילדער, פון דעמאנישער געשטאלט.

א טיעפע פינסטערע גרוב און ער קוקט מיט אויסגעשטארטע אויגען און זוכט ערגיץ א ליכטיגען שטראהל.

פלוצלונג דערפיהלט ער ווי א טיגער ליעגט אנטקעגען איהם און בליצט אויף איהם מיט זיינע ווילדע אויגען, וואס קוקען ארויס פון דער פינסטערקייט ווי צוויי פייערדיגע קויהלען. ער האט געמיינט אז באלד וועט דער טיגער ארויפשפרינגען אויף איהם און וועט איהם צעררייסען אויף שטיקלאך. ער האט אויף דעם טיגער מיט פארצווייפלונג געקוקט. מערקווירדיג, — יעצט איז דאס ניט קיין טיגער. עס איז א בעקאנטעס געזיכט. זיין מאשא'ס מיאוס'עס צעקנייטשטעס געזיכט מיט די האר אויף דעם פנים און זי קוקט אויף איהם מיט אזוי פיעל צארן און פערביטערונג. אויך דאס געזיכט פון מאשאן ווערט איבערגעביטען און יעצט זעהט ער פאר זיך אניוטא'ן. זי איז זעהר פערעלטערט און האלט א קליין קינד אין איהרע ארמס.

— דאס איז דיין קינד, דו אליין ביזט דער פאטער פון קינד, און דו האסט דיין פארשפרעכען ניט געהאלטען, און אניוטא לאזט זיך לויפען צו איהם, בלייבט שטעהן אנטקעגען איהם און מיט א פול מויל מיט שוים שרייעט זי איהם אריין אין געזיכט:

---

* * *

אט האט איהר שוין א פאלשטענדיג דרויערינגער באריכט וועגען די פאגראמען אין פוילען. א היבש ביסעל האט מארגענטהוי ריינגעוואשען די פוילישע רעגירונג און דאס איבעריגע האבען איהם דזשארזין און דזשאנסאן צוגעהאלפען.

ווי אין פסוק שטעהט הבא לטהר מסייעין אותו...

* * *

די 249 ראדיקאלען וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געווארען פון דאנען זיינען אין סאוועטען רוסלאנד אויפגענומען געווארען מיט געזאנג.

ווען מען געהט אריבער בשלום דעם ים זינגט מען „שירה"...

* * *

אין דער צייט ווען ווילסאן איז קראנק געווען האבען די עליים דערווייל געוואלט פארשאכערן פיומע צו איטאליען און זיין געוועזענער סטייט סעקרעטער, לאַבערט [illegible]סינג פלעגט אפהאלטען זיצונגען מיט די קאבינעט מיטגליעדער אהן זיין צושטימונג.

ווען דער „מלמד" ווערט קראנק לאזען זיך חברה קונדסים וואויל געהן...

* * *

טראצקי ווערט שפייז מיניסטער פון דער באלשעוויסטישער רוסלאנד.

נאך עד היום מוז עשו אפנים זאגען צו יעקב'ן הלעיטני נא....

* * *

אהן א איד

פינלאנד האט זיך ענערגיש גענומען ארויסטרייבען די אידען פון איהר מדינה.

איצט דארף מען ארויסנעהמען דעם „יוד" פון פינלאנד און אויף זיין ארט אונעקשטעלען א „וואו", כדי עס זאל מאַכען פונ-לאנד.

א גרוס פון מאקאראוו קיעווער גובערניע

א שוידערליכער בריעף פון אונזער אלטער היים איז ערהאלטען געווארען און שנעלע הילף איז נויטיג. דארום קומט און לאמיר זיך בעראטען וואס צו טאן.

דער מיטינג וועט זיין זונטאג דעם 7-טען מארטש ביי סעם ראזענבערג, 286 איסט ווארען

לאזען די צרות פון אונזערע ליידענדע ברידער און שוועסטער אייך ניט לאזען גלייכגילטיג.

קאפלאנ'ס בארגיין סטאר

483 .הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע לייגס:

קאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס. וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס. קוירטענס; טייבעל קאווערס; שעטס און סקארפס. קאמפלים ליין אין ליידים פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בויז סוטס און קאוטס. א קאמפלים ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

האר פארלאנט

וועל צאהלען די העכסטע פרייזען אין קעש פאר אלטע איטא-מאביל אדער מעטערס האר אינגרויסע אדער קלענערע לאטס

ס. ק. ארמסטאן

238 אוואלאן עוועניו
העמלאק 6671-אר

לעבעוויצער לאנדסלייט און אומגעגענד

דער לעצטער מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אבענד, 2טען מארטש, האט געמאכט א גוטען אנפאנג. 725 דאלאר איז ביי דיזען מיטינג געזאמעלט געווארען. אבער פריינדע, לאנדסלייט, דיזע סומע איז ווי א טראפען אין ים. זעהר פיעל איז נויטיג צו ראטעווען די ליידענדע פון אונטערגאנג.

מיר בעטען, מיר רופען יעדען לעבעוויטשער צו קומען דיזען

מיטוואך. אווענד 10טען מארטש

אין ווילקינס סט. תלמוד תורה

ווילקינס בעט. הייסטינגס און ענטוויין

אונזער גאסט און לאנדסמאן, מר. לאס וועט ספעציעל קומען צו דיזען מיטינג אויף זיין רייזע פון שיקאגא צוריק נאך נויארק.

קיין איינער טאהר ניט פעהלען!

מיט אכטונג, **די קאמיטע.**

ר. ראבינסאן
פ. ראבינסאן
ד. זעליג
ח. גרינבערג
ט. אירעלסאהן, סעקרעטער.

באברויסקער לאנדסלייט און אומגעגענד אויפמערקזאם

אונזער סעקרעטער פר. הארדעס האט ערהאלטען א קייבעל פון באברויסק, מיטוואך דעם 3-טען פעב.

איהר זייט אויפגעפאדערט צו קומען צום

ספעשיאל מיטינג

וואס וועט שטאטפינדען זונטאג דעם 7-טען פעב. 3 אוהר נ. מ. אין היברו אינסטיטוט, 204 הענקאק.

אייער אנוועזענד איז אומבעדינגט נויטיג ווייל מיר מוזען באשליסען וואס צו טאן מיט די געלט וואס מיר האבען אין טרעזשורי.

אכטונגספאל.

די קאמיטע.

יוזט פאלם-אלא

פאר'ן מאגען א רפואה פאר'ן פאקעט א ישועה

פאלם-אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאקנאטס און פינאטס אויל, און אנדערע נאטור רייכע וועדזשעטייבעלס און קען געוויס ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די וויסענשאפטליכע מעטהאדען אין סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט-פרוף סאניטארע באקסעס.

פאלם-אלא איז אויסגעצייכענט ניט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. גיט אייערע קינדער פיעל פאלם-אלא. עס וועט זיי פיעל גוטעם טהאן און עס איז פיעל בילינער ווי די אלד פעשאנד פוטער.

פאלם-אלא איז מיט זיין נאטורליכע רייכקייט און געשמאקקייט ממש טעם גן עדן, און ווער עס טרייעט דאס צו נוצען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט נוצען.

פאלם-אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דעטראיט פון דער פאוזאוסטער „שעד קרימערי". אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען סופלאי יעדען טאג.

געמאכט פריש יעדען טאג

אין דעטראיט

גלייך פון דער פוטער פאס

צו אייך

גראסערי לייטע

עס איז פאר אייער בענעפיט איהר זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט ניט קיין טראבעל. איהר דארפט ניט וועגען. איהר דערלאנגט א פעקעדזש צום קאסטימער און דאס אלעס.

פאלם-אלא איז כשר בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר' יוסף תאומים דפה

לעזט דעם הכשר:

הנני להעיד כי החמאה הנקראת Palm-Ola של The Shedd Creamery כשר לאכול [illegible]

הרב יוסף תאומים
Rabbi of the Congregation Beth Abraham
דעטראיט מיש.

S. J. Barrush

West 1407

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם-אלא

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

צו די העמטרעמקער אידען

געדענקט דאך דער „גראפ'שעף" איד דאס לעבען אין דער אלטער היים.

געדענקט ער מסתמא אויך וואס פאר א ראלע עס האט געשפּיעלט אין דער היים, אין דעם אידישען לעבען דאס חדר, דער מלמד און דאס שכר למוד.

מיר האבען לעצגער צוריק געלייענט אן ערצעהלונג פון אברהם רייזען אין וועלכער עס ווערט געשילדערט א פאטער, וואס האט נישט צו באצאהלען קיין שכר למוד. ער פּיהלט זיך ווי א פארלוירענער און ער געהט ארום א צעטראגענער. דער חוב פון מלמד לעגט זיך אויף איהם שווער, ווי א משא.

און צו וואס דערצעהלונגען, געפּוירען פון א שרייבערס פארשטע־לונגס־קראפט. ווען מיר געדענקען דאך נאך אלע יענע טאטעס מאמעס, וואס פלעגען בראי דאס קושען פון אונטער'ן צונאפענס אפּירשלע־פען און פארזעצען דאס, אבי צו האבען שכר למוד צו באצאהלען.

דער עני שבעניים האט געקארגט אויף דעם עסען, אויף קליידונג און זיך באמיהט וואס פריהער צו באצאהלען דעם מלמד.

עס גלויבט זיך קיים אויב איתגענד וועלכער איד וועט קענען אנרופען א־האלבען מנין אידען פון זיין שטאדט, וואס האבען נישט געוואלט צאהלען קיין שכר למוד; עס גלויבט זיך קיים אויב א איד וועט זיך קענען דער־מאהנען פון א היימישען — אפילו ארעמען — אידען, וואס האט געלאזט געהן זיין אינגעל בטל, נאר דערפאר וואס ער האט געזשאלעוועט די פאר רובל, וואס עס האט קאסטען דער מלמד.

און דוקא דא, אין דער גאלדענער אמעריקא איז דער גאנצער ענין א תפל, אן איבעריגע זאך.

אזוי גיך ווי א איד קומט אריבער קיין אמעריקא ווערט ער א שנא־רער, ווען די רייד איז וועגען אידישע למודים.

דער אמעריקאנער איד וואלט זיך געשעמט צו בעטלען, און צו געה־מען „טשאריטי" וואלט פאר איהם געווען נישט נאר א קללה, נאר א מורא'־דיגע ערנידערונג און פּיטערסטער בזיון.

דערוועלבער איד וועט זיך פונדעסטוועגען נישט שעהמען אפצושיקען זיין קינד אין א תלמוד תורה און וועט זיך אונטערפיילען צו צאהלען שכר למוד.

דערצעהלט אונז א חשוב'ער בעל הבית פון העמטרעמק אז מיט אן אנדערהאלבען יאהר צוריק איז האַרטען נאך שווערע מיה איינגעפיים גע־ווארען א שוהל און א תלמוד תורה.

ביז מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק איז דאס אידישע סדר געגאנגען אין שבנות. דער בילדונגס קאמיטעט פון פאבליק סקוהל האט ערלויבט די העמטרעמקע'ער אידען צו לערנען זייערע קינדער אידישע למודים אין א חדר פון דער הארטיגער סקוהל.

האט א איד זיך מצער געווען אויף דעם גורל פון דעם אידישען למוד און האט די ערשטע טויזענד דאלאר געגעבען אין די שוהל צוזאמען מיט דער תלמוד תורה זיינען איינגעפייעט געווארען.

און א חנוכת הבית האט מען געפראוועט, און פיער און דרייסיג אי־דישע קינדערלעך האבען זיך פון אידישען חומש, פון אידישען תנ"ך און פון רש"י, און פון אנדערע אידישע למודים דערוואוסט; און א לעהרער האט מען איינגעהאלטען מיט א שכירות פון הונדערט דאלאר א חודש. און עס האט זיך געדופט אז דזשאוזף קעמפא'ר אידען האבען זיך געלאזט געהן אויף דעם וועג פון זייערע עלטערען.

מיר זאגען נישט אז דאס איז געווען איבער דעם נאציאנעז־קאמה, וואס די אידען פון דזשאוזף קעמפא איז אייסגעקומען אנצופיהרען מיט זייערע נישט אידישע, אדער בעסער געזאגט: פוילישע שכנים.

מיר זאגען נישט אז די פאנעס פון דזשאוזף קעמפא האבען די דארטי־גע אידען צו שארף דערמאהנט אן זייער אידישער אפשטאמונג און דאס האט זיי געטריבען אביסעלע מעהר זיך צו פאראינטערעסירען מיט אידיש־קייט.

ניין. מיר גלויבען אז, פשוט, עס איז ביז דעמאלט נישט רייף געווען די צייט פאר אידישער טעטיגקייט אין העמטרעמעק.

ווי אזוי זשע און מיט וואס פאר א תירוצים קען מען פארעכטיגען די איצטיגע קלאגעדיגע לאגע פון דער העמטרעמעק'ער תלמוד תורה?

פארט איז דאך דאס א פאקט אז כל זמן מען האט באדארפט צאהלען בלויז צוויי דאלאר א חודש פאר שכר למוד, האבען זיך אין דער תלמוד תורה געלערענט פיער און דרייסיג קינדער. האט מען אבער געהעכערט דעם שכר למוד פון 2 אויף 3 דאלאר א חודש, איז די צאהל פון די שילער אראפגעפאלען ביז פופצעהן.

לערנען זיך פופצעהן קינדער אין דער העמטרעמעק'ער תלמוד תורה, צאהלען זייערע עלטערען צו דריי דאלאר א חודש. איז נישטא קיינגעני־גענדע סומע אויסצוהאלטען א לעהרער.

עס איז נאך א גליק וואס ה' ה' רעווקין גיט לעקאנס אין תלמוד תורה שלא על מנת לקבל פרס. און ווי וואלט געווען אז מען זאל טאקע דארפען אויסהאלטען צוויי לעהרערס?

דער באצאהלטער לעהרער וועט פארלאזען זיין שטעלע. און העמ־טרעמעק'ער אידען ארט עס נישט. זייערע קינדער וועלען בלייבען אהן א לעהרער. און העמטרעמעק'ער אידען זיינען זיך נישט מצער.

זאל זשע יעדער העמטרעמעק'ער איד זיך זעלבסט פארגלייכען אין מצב מיט זיין אייגענעם פאטער. איז דען זיין פאטער געווען רייכער פון איהם? איז דען זיין פאטער געווען מעהר עושר? פונדעסטוועגען האט ער פון ברוים אפגעשפארט און געצאהלט שכר למוד.

און זאל זיך דערזעלבער העמטראמעק'ער איד שוין אויך פארשטעלען וואס פאר א צער זיין טאטע וואלט געוויען געהאט, ווען ער זאל נישט געווען קענען געבען זיינע קינדער א אידישע ערציהונג; וויפיעל עגמת נפש און וויפיעל צרות ער וואלט דערפון געווען געהאט.

וואס זשע איז דאס אזעלכעס פארגעקומען מיט די העמטרעמעק'ער אידען, וואס זיי האבען פלוצים אן אום חן געווארפען אויף די אידישע למודים און זיי קימערען זיך נישט אויב עס וועט אויסקומען זייערע קינדער ארומצוגעהן בטל? ווארום שעהמען זיי זיך נישט. ווען זיי קענען נישט אויסהאלטען קיין איין לעהרער מיט לומפיגע פינף און צוואנציג דאלאר א וואך?

ארום צוואנציג קינדער האבען אויפגעהערט צו באזוכען די תלמוד תורה.

מיר וואלטען זעהר גערן געוואלט וויסען די אורזאכע.

זאלען מיר גלויבען אז דאס איז טאקע דערפאר וואס דער שכר למוד איז געהעכערט געווארען פון צוויי אויף דריי דאלאר?

ניין! דאס וואלט געווען א צו גרויסער בזיון פאר יענע עלטערען.

ניין, מיר ווילען נישט און קענען אין אזא באהויפטונג נישט גלויבען.

עס מוז זיין אן אנדער אורזאכע און מיר בעטען די העמטרעמעק'ער אידען זיי זאלען די אורזאכע אונז ערקלערען.

שפּריצען

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

הקול קול יעקב

דער באוואוסטער אידישער געלערנ־טער און סאציאליסטישער פיהרער פאנ־נערלאק, איז אין בערלין מערדערליך גע־שלאגען געווארען פון א המון, צוליעב א רעדע, וואס ער'האט געהאלטען.

אן אלטער כלל: הקול קול יעקב והידים ידי עשו...

* * *

א רעגענביגען

דעניקין, ווערט פון ערגעץ געמעלדעט, איז געווארען אוים קאמאנדיר פון דער ווייסער ארמיי.

יא. נאכדעם ווי די ווייסע ארמיי האט זיך איינגעריכט א שווארץ יאהר פון די רויטע גווארדייצעס, האט דעניקין מעהר נישט איבער וועמען צו קאמאנדירען.

* * *

פוילישער שלום

איבער גאנץ פוילען קומען ... מאס־מיטינגען, אויף וועלכע די פאליאקען פא־דערען שלום.

אך, ווער עס קען נישט די פאליאקען זיי פאדערען שלום, כדי זיי זאלען הא־בען צייט צו פיהרען מלחמה — איבער־הויפט קעגען אידען...

* * *

אך, א שטיקעל „טוירקי"

די עלייעס ווילען, אז אמעריקא זאל העלפען שליכטען די טערקישע פראגע.

אבער געה פארלאז זיך אויף די אמע־ריקאנער אז פאר א שטיקעל „טוירקי" וועלען זיי אייך אוועקגעבען דעם טאטען מיט דער מאמען, בפרט, ווען עס קומט „טהענקסגיווינג דעי".

* * *

שטעקען בלייבט שטעקען

עס נעהט אריין שטארק אין מאדע, אז פרויען זאלען שפאצירען מיט שטעקענס, אזוי ווי מענער.

אזוי ווי עס איז איצט א מאנגעל אין מענער, וועלען זיי קענען די שטעקענס אנטאן אין הויזען מיט א קאפעליש און מיט זיי שפאצירען...

* * *

ענדליך!

די עלייעס פלאנען צו שיקען אן אלייד־קאמיסיע קיין רוסלאנד צו די באל־שעוויקעס.

ענדליך וועלען, הייסט עס, די עלייעס פארט אריינדרינגען אין סאוויעטען־רוס־לאנד — און דאס נאכדעם ווי מ'האט שוין אויפגעגעבען די אינטערווענציע...

* * *

דעקאלטירטע מאנסבילען

די פרויען אויף מענער־קליידער, טרייסט מען אונז, וועלען דעם קומענדען פריהלינג נאך העכער ווערען.

פאר אונז מענער בלייבט איין מיטעל: אויך אנהויבען טראגען דעקאלט, כדי מען זאל פארברויכען וועניגער וואארע.

* * *

א גוטער סוף

זעקס מיטגליעדער פון דער אסעמבלי אין ניו יארק ווילען, אז מ'זאל די אויס־געשלאסענע סאציאליסטען צוריקגעבען זייערע פלעצער.

אזוי ווי די זעקס זענען אויך א מינא־ריטעט, וועט מען זיי מסתמא אויך ארויס־ווארפען; דאן וועט א גרופע אסעמבלי־לייט פאדערען, אז מ'זאל די לעצט ארויס־געווארפענע צוריקרופען. און אזוי ווי אויך די גרופע וועט זיין אין דער מינארי־טעט, וועט מען זיי אויך ארויסווארפען — בקיצור, אין א קורצער צייט וועט זיין אוים אסעמבלי.

די „זמרה" און אונזער נאציאנאלע מוזיק

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

פון דר. א. רײזלין

די „זמרה" ! —

שוין דער נאמען אליין זאגט אייך אוים דעם כאראקטער פון דער מוזיק־גרופע פון די אידישע יונגע לייט, וועלכע האבען זיך אזוי שנעל קונה־שם געווען איבער דער וועלט מיט זייער עכט־אידי־שען פראגראם, מיט זייערע עכט־אידישע קאנצערטען.

עס איז אייגענטליך נישט די ערשטע אידיש־מוזיקאלישע פאראייניגונג: מיר האבען פיעל פריהער געהאט הזמיר'ס הכנור'ס און דאסגלייכען, אבער יענע זע־נען געווען בלויז פאראיינען פון אידישע מוזיקער, וועלכע האבען זיך מעהרסטענס אפגעגעבען מיט אלגעמיינער מוזיק, און אידיש־נאציאנאלע מוזיק איז געווען אויף זייער פראגראם אזוי ווי איטאליענישע און בכלל מוזיק.

נאטירליך איז עס נויטיג צו באקע־נען די אידישע פאלקס־מאסען אויך מיט אנדערע מוזיקאלישע שאפונגען, אויסער מיט אידישע, אבער דאס קענען זיי בא־קומען אויף אלגעמיינע מוזיקאלישע קאנ־צערטען און דער אויפטו פון די הזמיר'ס און זייער גלייכען, ווערט שוין דערפאר קלענער, און די גאנצע וויכטיגקייט פאלט אויף זייערע אידיש־מוזיקאלישע נומערען.

די „הזמרה" איז נישט נאר א פאר־איינוגנג פון אידישע מוזיק־קינסטלער, נאר אויך, און אויסשליסליך, א פאראיי־ניגונג פאר אידיש־נאציאנאלער מוזיק; די „הזמרה' איז, אין אנדערע ווערטער, א גרופע אידישע קינסטלער פאר אידי־שער מוזיק — פאר'ן אלגעמיינעם פובלי־קום! אויך אין דעם לעצטען פונקט זע־נען זיי שטארק פארשיעדען פון דיא הזמיר'ס, וועלכע זענען בלויז פאר'ן אידי־שען עולם; די „הזמרה" איז פאר'ן אל־געמיינעם עולם, אהן אונטערשיד פון ראַ־סע אדער פאלק; די „הזמרה" רעפּאַנ־סטרירט אונזער נאציאנאלע מוזיק פאר דעם אלגעמיינעם פובליקום: זעהט, וואס מיר פארמאגען! הערט אונזער מוזיק און באוואונדערט זי!

די „הזמרה" איז אנדערש פון די „הזמיר'ס" אויך דערמיט, וואס יענע זע־נען פון לאקאלען כאראקטער, אין דער צייט, וואס די זמרה־קינסטלער פאהרען פון לאנד צו לאנד, פון שטאדט צו שטאדט און דינגען דערפאר אן אומבאגרענעצטע צאהל מענשען.

מ'זאגט, אז מוזיק איז אינטערנאציא־נאל; א געוויסער אמת ליגט אין דעם, ווען מ'האט אין זינען דעם גייסטיגען גע־נוס, וואס איטליכער, צו וועלכער ראסע אדער נאציע ער זאל נישט געהערען, האט פון דער מוזיק, וואס קומט פון א פאלק, וואס אזוי איז עס איהם לחלוטין פרעמד.

אבער אויך די מוזיק האט איהרע באזונדערע כאראקטער־אייגענשאפטען און א מענש מיט א מוזיקאלישען אויער, וועל־כער איז נאך דערצו באקאנט מיט דעם כאראקטער און פסיכאלאגיע פון פארשי־דענע פעלקער, קען לייכט דערקענען פון וועמען און פון וואנען דער אדער יענער מוזיקאלישער נומער נעמט זיך. קענט איהר זיך פארשטעלען, כל־נדרי אלס פראנצויזישע אדער דייטשע, אדער ענג־לישע שאפונג? ניין? יעדער פרעמ־דער, יעדער נישט־איד, וואס איז באקאנט מיט'ן אידישען כאראקטער, מיט דער אי־דישער אייגענארט, וועט גלייך ווי ער וועט הערען דאס ערשטע מאל כל־נדרי, דערקענען, אז דאס קומט פון איבינגען פאלק; אין כל־נדרי הערט זיך אונזער צער, אונזער טרויער, אונזער וועה, אונ־זער גלות. אזוי איז עס מיט אנדערע אידישע מעלאדיען.

אמת, צווישען דעם, וואס מיר רופען „אידישע מוזיק", כאפט זיך אמאל אריין א פרעמדער מאטיוו, א מאטיוו פון אן אנדער פאלק; פארגלייכט אבער דעם מאטיוו, ווי ער איז ביי אונז געווארען, מיט'ן אריגינאל, ווי מיר האבען איהם גע־נומען, און איהר וועט באלד דערזעהן דעם גרויסען אונטערשיעד; ער איז אין גאנצען אנדערש, ער איז אידיש געווארען. מיט דער מוזיק קומט־פאר דערזעלבער אסימילאציאנס־פראצעס ווי מיט שפרא־כען: ס'איז פאקטיש נישט פאראן קיין איין ריינע שפראך, איין שפראך נאשט ביי דער אנדערער, נעמט און זיך ארייין אויסדרוקען, באגריפען און טערמינען פון אנדערע קוואלען, אבער אסימילירט זיי, קייט זיי איבער. דייטשישע ווערטער אין ענגליש ווערען ענגליש, זענען ענגליש אין ענגלישען מויל, און אזוי איז עס מיט אלע אנדערע שפראכען, פונקט ווי איהר טרעפט אין דער אידישער מוזיק פרעמדע מאטיוען, טרעפט איהר אידישע מאטיווען ביי פיעל אנדערע פעלקער — נאך אין א גרעסערען מאסשטאב.

דאס אידישע פאלק האט א סך ביי־געשטייערט צו דער מוזיקאלישער קונסט, אבער אונזער גלות־לעבען, וועלכע האט אונז אזוי צובראכען און פאנאנדערגע־ווארפען איבער אלע שבע ימים, האט אויך פאראורזאכט, אז אונזער מוזיק זאל צעזייט און צעשפרייט ווערען, וואס דאס האט אפילו געגעבען דעם מוט מאנכע אסימילאנטען צו באהויפטען, אז ס'איז גארנישט פאראן אזא זאך ווי א אידישע נאציאנאלע מוזיק.

דער אידישער מוזיקאלישער ניגונים האט געארבייט אויף פרעמדע פעלדער, אידישע מוזיק איז פארשלונגען געווארען פון פרעמדע פעלקער; אידישע מוזיק־קינסטלער האבען פיגורירט אלס רוסען און איטאליענער און שפאניער און פא־ליאקען, און מיר האבען דאס געמוזט צו־קוקען מיט א שמייכעל.

די „הזמרה" איז פאקטיש די ערשטע ארגאניזאציע אין גלות, וועלכע האט זיך געשטעלט די אומבאגרענעצטע אויפגאבע זיך אפצוגעבען אויסשליסליך מיט דער אידיש־נאציאנאלע מוזיק, און א רייכע און א שעהנע, און זיי ענטוויקלען די דאזיגע מוזיק.

עס איז נאטירליך, אז צוזאמען מיט אונזער נאציאנאלער אויפלעבונג זאל אויך אויפלעבען אונזער נאציאנאלע מוזיק; אין דער צייט, ווען עס ווערט אמשאפּ־סטען אפגעלייקענט די אסימילאטארישע באהויפטונג, אז מיר זענען קיין נאציאן נישט, ווערט אויך בולט באוויזען דאס שקר פון זייער באהויפטונג, אז מיר האבען קיין נאציאנאלע מוזיק נישט.

די „הזמרה" האט ארויסגערופען די גרעסטע באוואונדערונג מיט איהרע קאנ־צערטען אין רוסלאנד, אין כינא, אין יא־פאן, אין די פארשידענע צענטרען פון די פאראייניגטע שטאאטען; אלע פעלקער פארשטעהען אונזער מוזיק און דורך דער מוזיק — פארשטעהען זיי בעסער אונז אליין; די „הזמרה" העלפט אינדירעקט אין אונזער נאציאנאלער באוועגונג, אין אונזער נאציאנאלער אויפלעבונג און אונ־זערע נאציאנאלע שטרעבונגען.

עס איז דערפאר קיין וואונדער נישט, וואס אין יעדער שטאדט, וואוהין די „זמרה" קומט אראפ, ווערט זי באגעגנט מיט אזוי פיעל באגייסטערונג, ווייל אויי־בער דאס, וואס זיי שפּיעלען איז אויך וויכטיג ווער עס שפיעלט — און די זעקס קינסטלער, וואס שטעלען צונויף דעם פאלעסטינא־אנסאמבעל „הזמרה" זענען באריהמט אלס גאטס־געבענשטע מוזיקאלישע ווירטואזען; זיי זענען גראַ־דואירטע פון די גרעסטע אייראפּעאישע קאנסערוואטאריעס און אנערקענט פון די גרעסטע מוזיק־קריטיקער פון אייראפא און אמעריקא אלס ערשט־קלאסיגע טא־לאנטען.

דעטראיטער צייטונגען וועגען דעט־איטער־ענינים

(באארבייט ספעציעל פאר'ן „וועג")

פון בן דניאל

אין דיזער אפטיילונג ווערען איי־בערזעצט עדיטאריעלע נאטיצען און ארטיקלען, וואס זענען געדרוקט אין דער היגער ענגלישער פרעסע. נישט מיט אלעס וואס די היגע פרעסע שרייבט זענען מיר איינפארשטאנען. מיר דריקען זיי נאר אום צו באקענען די לעזער מיט דעטראיט'ער אנגעלע־גענהייטען און וואס די נישט־אידישע צייטונגען דענקען וועגען זיי.

די רעדאקציע.

סקוהלס פאר ערוואקסענע

די דעטראיט'ער באארד אוו עדיוקיי־שאן האט ברעה צו עטאבלירען שולען פאר דערוואקסענע, וואס צוליעב פיעלע אור־זאכען קענען זיי דאס ניט דערגרייכען.

אדייסגעוואקסען איז דער פלאן נאכ־דעם, ווי פיעלע זענען געקומען צו דער באארד נאך האלטען אן עצה און האבען זיך פארטרייט, אז זיי קענען ניט באזוכען די געוועהנליכע טאג אדער אווענט שו־לען פאר דערוואקסענע.

דער פארזוך נאכצוקומען די נייע פאר־דערונגען אין גרינדען אזעלכע שולען, איז זעהר א ווינשענסווערטע, און דאס באַ־ווייזט אז עס איז דא ביי דעם עולם א שטארקע טענדענץ צו לערנען זיך, און דעריבער איז נאך פארדריסליך וואס ווען עס קומט צו דער פראגע פון דעם סקוהל בודזשעט, זוכט מען תמיד זיך אויסצור־דרעהען און אפצוקומען מיט וואס ווינצי־גער.

ווען דער בירגער באקלאגט זיך און גאנץ אפט מיט רעכט, אז דער סקוהל בודזשעט האלט אין איין שטייגען פאר־נעמט ער זיך, אז די סקוהל היינט צו טאג איז ניט מעהר דאס וואס מיט דרייסיג אדער אפילו מיט פופצעהן יאהר צוריק.

די סקוהל האט זיך פארברייטערט פונקט ווי דאס טוט אפט א קרעמער. ער עפענט אויף א קרעמעל בלויז פאר שפייז, און דערנאך נעמט ער אויך אריין שניט־קראם און אנדערע סחורות.

עס איז דאס אויסצווייגען פון פאר־שיידענע שולען און ניט דאס געהאלט פון די לעהרערס וואס איז פאראנטווארטליך פאר דעם איבינגען שטייגען פון דעם סקוהל בודזשעט.

פון די ערשטע קאסטען אויף בילדונג פארנעמט דעם לעהרערס געהאלט א קליי־נעם טייל. אין די גוטע אלטע צייטען האט די געזעלשאפט זיך צופריד געשטעלט ווען מען האט דאס קינד געלערנט לעזען, שרייבען און ... חוץ די דריי זאכען האט דער ... ווינציג וואס פארמאגט לערנע־ ... גרייטען די לעקציעס פאר'ן ... געווען א לייכטע זאך.

דאס קינד האט ווינציג לערנט און דעריבער האט ד... לער געדארפט צאהלען זעה... פארגלייכענדיג מיט ... בודזשעטען אין יענער צייט סקוהל בודזשעט געווען א קליי...

אבער היינט צו טאג אונזע... סקוהל אפט אזעלכע זאכען וואס ... בען אין אונזער יאהרען קיינמאל ... הערט דערפון.

א סך ווערען געטאן אין סקוהל, אין יענע פארצייטיגע טעג איז דאס גע־טאן געווארען אין דערהיים.

א סך זאכע וואלטען מיר אויך געווען נעדארפט טאן אין סקוהל, או דעריבער קע פארנאכלעסיגט געווארען. אין אלע זענען א סך פון אונז, דערוואקסענע, טא־מאדערנע שולען ווערט איצט אויפגעפאסט אויף דעם קינד'ס פיזישען צושטאנד, עס ווערט עגזאמינירט פון דאקטוירים, און אויב ער איז ניט געזונט, פארהיט מען איהם אין צייט.

ער קריגט אזעלכע איבונגען און ענט־וויקעלט זיך בעסער ווי מיר האבען זיך ענטוויקעלט אין אונזער צייט.

דאס אינגעל ווערט אונטעררייכטעט און צוגעגרייט פאר אן אינדוסטריע, און דאס מיידעל פאר דער הויזווירטשאפטלי־כער קונסט.

די אויבענדערמאנטע שולע פאר דער־וואקסענע אלס א גאנצע זאך איז אויך א באווייז ווי די שול פארצווייגט זיך און ברייטערט אוים איהר טעטיגקייט.

יעדע העכערונג און פארגרעסערונג פון דעם סקוהל בודזשעט, דארף תמיד באטראכט ווערען פון יעדען דערוואקסע־נעם מענשען פו דעם שטאנדפונקט אז [illegible] וואקסט סאי ביי דעם קינד, סאי ביי די דערוואקסענע, און פאלגליך איז קיין בו־דזשעט קיינמאל ניט צו גרוים פאר א מאדערנער שול.

לידער

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

פון ש. נעפּאם

דער סוד

ניט זאג מיר אוים וואס ס'וועט געשעהן.
באהאלט פון מיר דעם טיעפען סוד.
מיין באהאם איז, דאס גלויבען בלויז
און די געהיימניש איז מיין גאט.

צו דעם אלטאר פון גלויבענס־גליק
מיין יוגענד, ליעבע אלס געשאנק.
קרבנות ברענג איך יעדען טאג,
און בין מתפלל מיט געזאנג.

ווען טיעף אין הארצען פלאמט און ברענט
אט יענע שטילע גלויבענס־פרייד
ניט זאג מיר אוים דעם שווארצען סוד
און ניט פארשווער די הייליגקייט.

מארגענס געזאנג

ארום איז שטיל, ס'איז שטיל ארום
די גאנצע וועלט איז טויב און שטום.
דאך דוכט זיך ס'זינגט ווער אזוי צארט
און רייכער מארגענס זומער פראכט.

איך גיב זיך איבער דעם געזאנג.
מיר דוכט פון בערג א ווייטער קלאנג
פון בערג פון ים פון קוואל און טהאל
זיי קלינגען אלע אויף א מאהל.

דאך ניין עס דוכט זיך מיר נור איים
עס איז קיין קלאנג, א שפיעל נור בלויז.
א שפיעל פון פארבען וואס פארגעהן
און נייע קומען אונדערשעהן.

די פארבען פון דעם מארגען פלויז
די נעפלען אין דער זילבער גרויז
דער מזרח אין זיין גאלדען־רויט
זיין מארגענס וואונדער טעמפעל בויט.

אין שימער פון דעם מארגען רייך
די מוזיק הער איך דא צו גלייך,
איך גיעב זיך איבער דעם געזאנג.
ווי שעהן עס איז דער מארגען קלאנג.

דאך שטיל און טויב איז אלץ ארום,
עס שווייגט די גאנצע וועלט, זי ז'שטום.
אין הארצען ברענט בלויז א געפיהל
פון אייביגקייט און פארבען שפיל.

עכט מיליטעריש

א קאנגרעסמאן פון קאליפארניא גרייט זיך אריינצוברענגען אין קאנגרעס א ביל, אז די פעדעראלע רעגיערונג זאל דורכפיהרען א געזעץ פאר'ן גאנצען לאנד אז יונגעלייט איבער דרייסיג יאהר זא־לען געצוואונגען ווערען חתונה צו האבען מיט די כלות, וואס די רעגיערונג וועט פאר זיי באשטימען.

נו, זאל דער געזעץ דורכגעהן און די רעגיערונג וועט ביי יעדען יונגענמאן אי־בער דרייסיג יאהר מוזען אוועקשטעלען א סאלדאט מיט א ביקס, וועלכער זאל קאמאנדעווען מיליטעריש:

— קנאק אריין א קוש! איינס! צוויי! דריי! — אויב נישט שים איך!

און דאן: נעה צו דער חופה — אויב נישט — דו זעהסט דעם באיאנעט?

1813

(סקיצע)

פון מרים קארפילאוו

ער איז׳ א געווען א פאליסמאן און 1813 איז געווען זיין נאמבער. ער האט זיך אין׳ם ישעהנסטען טייל פון גרעס־טען פארק אין שטאדט געפונען און דאס האט אויף איהם געמהט ווירקען ער זאל זיך פון א טרוקענעם ארדנונגס־היטער אין א סענטימענטאלען ראמאנ־טיקער פארוואנדלען.

א ווינטער נאך א זומער, א זומער נאך א ווינטער איז ער אין דעם גרויסען פארק צווישען די געדיכטע ביימער און פראכט־פאלע בלומען געשטאנען. זיינע וואיט־זעהענדע אויגען האבען צעהנדליגע פער־ליעבטע פארלעך נאכגעקוקט און געהיט זיי זאלען דעם שטרענגען געזעץ ניט אי־בערטרעטען.

ווינטער צייט איז איהם זיין ארבייט ניט אזוי שווער געוועז. דערפאר האט איהם אבער דער פריהלינג און זומער אין גאנצען מיט מאדנע געפיהלען דורכגע־נומען. מיט׳ן אנקומען פון די ווארימע זומער־אווענדען האט זיך א שטארקע בענקעניש אין זיין בא׳יוניפארמ׳טער הארץ באזעצט.

איינע פון די פארק באזוכערינס האט פאר דער לעצטער צייט זיין באזונדע־רע אויפמערקזאמקייט אויף זיך געצויגען. זי איז ניט געווען קיין שעהנהייט נאר זעהר א חן׳עוודיגע, א פארטראכטע. זי פלעגט א צייט לאנג קענען נעבען די בלו־מען זיצען און פון זיי די אויגען ניט אראפנעהמען. האט ווער געמאכט א פאר זיך נעבען איהר זיך צו זעצען, א באַ־קאנטשאפט צו פארבינדען, פלעגט זי זיך א שווייגענדיגע פון באנק אויפהויבען און אויף אן אנדער באנק איבערזעצען.

דעם פאליסמאן האט אפט באהערשט א פארלאנג צוגעהן מיט איהר ריידען. אבער, ער האט עס ניט געוואגט צו טאן. דער געדאנק אז זי וועט איהם פארדעכטיגען דאס ער פארדעכטיגט זי אז זי איז א פארדעכטיגע, האט איהם דערפון אפגעהאלטען. ער האט מורא גע־האט ער וועט זי איבערשרעקען און זי וועט מעהר אין פארק ניט וועלען קומען. האט ער איהר נאר פון וויטען נאכגע־קוקט צו זעהן אז קיינער זאל זי ניט בא־לעסטיגען, אזוי ווי ער וואלט דארט נאר צוליעב איהר אויף דער וואך געשטא־נען.

איין מאל האט זי פארפעהלט צו קומען און ער איז אן אומרוהיגער אהין און צוריק אומגעגאנגען מיט דעם גע־דאנק אז עפעס האט מיט איהר געמוזט טרעפען. ווען זי האט זיך אין א טאג שפעטער אויף איהר כמעט שטענדיגען פלאץ געפונען, האט ער, דערזעהענדיג זי, זיך שטארק געפרעהט און באשלאסע, צו איהר צוצוגעהן: זאל זי וויסען ווי ער קוקט אויף איהר. זאל זי וויסען, אז אויב אימיצער זאל איהר וועלען באליי־דיגען איז ער דא דערביי און וועט עס ניט דערלאזען.

— געפעהלען אייך די בלומען? — האט ער צוקומענדיג צו איהר מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל פריינדליך גע־פרעגט.

— ווי קענען בלומען ניט געפעלען זיין און נאך דערצו אזעלכע שעהנע בלו־מען!? — האט די מיידעל מיט א פראגע געענטפערט. עס איז אויף זיי אזוי גוט צו קוקען!

— און ווילט זיך ניט אביסעל פון זיי אמאל מיט זיך נעהמען?...

— ווע̈לע, דאס איז דאך שטרענג פאר־באטען — —

— יעס, ליידער איז עס פארבאטען, האט ער ווי מיט באדויערען געזאגט.

זי האט איהם פארוואונדערט אנ־געקוקט.

— אבער — האט ער צוגעגעבען, מיר מוזען פאלגען דאס געזעץ. מיר זיינען איהם אונטערווארפען. מיר זיינען צו שוואך זיך נעגען איהם צו שטעלען, ווי נערעכט אינזערע פארלאנגען זאלען ניט זיין — מוזען מיר זיי איגנארירען.

— אייער אויפגאבע..

— יעס, אונער אויפגאבע — האט ער זיך אויף גיך אפגערופען. אט מיין אויפגאבע איז זיך אויפצוגעבען.. איג־נארירען מיינע פארלאנגען. צוקוקען אפט ווי אנדערע לעבען און ניט קענענדיג אליין, ווי זיי, זיין גליקליך, זייער גליק צו שטערען, זיי הייסען פון דארט וואר הין זיי זענען זיך געקומען מיט זייער ליעבע באהאלטען. אוועקגעהן, אליין שטעהן און היטען די ארדנונג, כאטש דו וואלסט גאר וועלען אליין פון איהר אנטלויפען.

— און אפיסער זאל אזוי ריידען..

— יעס, אן אפיסער. מערקט אייך מיין נאמבער: 1813, און געדענקט דאס אט דער 1813 האט א נשמה וועלכע ער האט געפונען דא, שטעהענדיג אויף זיין פאסט צווישען די וואונדערבארע בוי־מער און בלומען, נעבען אפגעזונדערטע פון אלע איבריגע מענשען וואס ליע־בען זיך.

— און פאר וואס האט איהר פאר זיך אזא באשעפטיגונג אויסגעקליבען?

— האט די מיידעל געפרעגט.

— די באשעפטיגונג האט מיך אויס־געקליבען, האט ער געענטפערט. דעם אמת זאגענדיג האב איך צו דעם גערן צו־געשטימט ווייל איך האב ליעב די נא־טור, און דער „דזשאב” האט מיר געגע־בען א געלעגענהייט צו זיין נאהענט צו איהר. מיט דער צייט האב איך זיך אבער ארומגעזעהן אז דער שידוך מיט איהר איז ניט געווען קיין גלייכער: זי איז פטור און איך — געבונדען. אה, אן פאהרט דורך איינער און ער מוז מיך ניט זעהן אזוי מיט אייך, — ריידען. — האט ער זיך א כאפ געטאן און איז אן א זייט אפגעגאנגען, איבער געווארט ביז יענער איז פארבייגעפאהרען און איז צו־ריק צוגעקומען.

— איך היט אנדערע און ער היט מיך. און פאראן נאך אנדערע וואס היי־טען איהם. אזוי געהט עס אין לעבען. מ׳האלט איינע די אנדערע און איין היי־טען. אבער דוקא ווייל מ׳היט ווילט זיך נעגען דעם געזעץ פארברעכען. אט זעהט איהר, איך בין דא באשטימט צו היטען מען זאל קיין זאך ניט צעשטערען. ניט אוועקנעהמען, און איך וויל עס דערפאר דוקא טאן. איך בין פעהיג איצט נעגען זיך צו באגעהן א פארברעכען. פון זיך צו גנב׳ענען. אט זעהט איהר די בלומען? מען טאר זיי דאך ניט רייסען, יא? אלזא, רייסט, רייסט זיי וויפיעל איהר ווילט, וויפיעל איהר קענט. איך וועל נישט קו־קען, כ׳וועל נישט זעהן. ניין, מעהר דער־פון. איך וועל אייך העלפען, איך וועל זיי פאר אייך מיט די ווארצלען אויס־רייסען!

און ווי מגרא האבענדיג, אז אט וועט ער זיך ביים האנד כאפען, האט ער גיבער, ווי זיך צו להכעיס זיי גענומען רייסען, רייסען און צו דער פארוואונ־דערט־ צעשראקענער מיידעל צווא־ווארפען.

— היער, טעיק איט, טעיק טהעם — האט ער מיט בייזע צופריעדענהייט איהר געהייסען, אט איז נאך, נאך נאך!....



אונזערע ספעשעל מאשינען סייווען ארבייט.

אונזערע איבערגעבילטע מאשינע סייווען געלד.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פראפיט

מיר פארקויפען די בעסטע אין דער לייז פון נעה מאשינען פיר יעדער סטיטשינג אפערייש אן, א חוץ די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעיוזטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייווען פיעל געלד דערביי!

A. C. Payer

119 E. Jefferson טעלעפאן טשערי 1813

סיום הספר

ביי די חברה פוירסט היברו קאנגרעגיישאן און דעלאריי

ווערטהע פריינדע איהר זענט איינגעלאדען אנטייל צו נעהמען אין דער גרויסער שמחה וועלכע וועט געפייערט ווערען

יום א׳ פ׳ ויקהל דעם 7-טען מארטש, שעה 3, אין פענסולאר האל 2227 וועסט דזשעפערסאן עוו.

אויסער אנדערע רעדנער וועלען אדעסירען פאלגענדע רבנים

הרב הגאון ר׳ יוסף תאומים מדעטראיט

הרב הגאון ר׳ משה יהודה פישער, משיקאגא

רעווערענד אברהם רובינשטיין

אויך א גרויסארטיגער סאפער וועט שמא מסיגרען, איהר וועט געניסען גרויס פאר־גענינען.

קומט און ברענגט מיט אייערע פריינדע.

איר קענט שיקען געלט

אין פוילען

דורך דער

Bank of Detroit

א. זינגלער מענעדזשער

הייסטינגס סטריט בראנטש:

היינט אווענד מארטש דעם 7טען

דער לאנג ערווארטעטער גרעסטער קאנצערט פון יאר, געשפיעלט פון דעם פעטראגראדער מוזיק אנסאמבל

זמרה

אין די ארענא גארדענס

וואודוואַרד און הענדרי

עס איז צוגעגרייט געווארען א וואונדערבארע פראגראם פון די שעהנסטע חסידישע און פאלקס - ליעדער, אויך [illegible]ע מוזיק, וועלכע זיינען נאך פון קיינעם ניט גע־שפיעלט געווארען אויף אזא קינסטלערישען אופן.

טיקעטס א גאנצען טאג אין ארענא באקס אפיס

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניען, יוגא-סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט.

פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דזשענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

געגענאיבער דער הויפט אפיס. אפען טעגליך פון 8 ביז 5, שבת ביז 3 נ. מ.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארעס, עקסעלס, פענ־דערס ווערען אויסגעגלייכט. געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיענעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, און עקסטשענדזשעט

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 776

פאר אינוועסטארס

Mathew Finn

פרעזידענט פון פיפעלס נעשא

Private Bank

— אין —

פארעין עקסטשיינדזש או דזשענעראל בענקינג

82 Griswold St.

די פיעפעלס נײשיאנאל באנק

1842 דזשאזעף קעמפאו

האט ערעפענט

א פארייז עקסטשענדזש

נאכ׳ן טעגליכען קורס.

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלוי,

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלעארס.

קעדילאק 2061

די פארנסווארט

רוסיש-טערקישע, עלעקטרישע באד

מיט גרויסע מארבעל וואנעס, 2 כשר׳ה מקוואות, עלעקטריק קעבינעטס. גוט פאר פארקיהלונג, רומאטיזם, בראנקייטעס און פאר אלע וועלכע ווילען האבען א גוטע בלוט סירקולייישאן. זעהר א שעהנע רעסטינג רום פאר שלאפען נעכט. מיר פאר־רעכטען אויך די בעסטע וועכענטליך פאר ריזאנייבל פרייזען. סטריקטלי ריין און גוט בעהאנדלונג.

שוויץ פאר פרוי עו יעדען מיטוואך

Der Weg

פּאָפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראָיט, מיש. טעלעפאָן: טיין 3715.

וועג פּאַבלישינג קאָמפּאַני, אינקאָרפּאָרייטעד

ערשיינט יעדען פרייטאג איבער שבת, דורך דער

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאַן סטייט

א פרינץ און זיינע דיפלאמאטישע כלה קאנדידאטען

פון ב. י. ג—ן

צווישען די פאפלען פון ה׳ ה. הירש, רעדאקטאר פון „קענעדער אדלער״, איז פאראן איין משל מיט דעם נאמען ׳דער פארלאפונגס רינג און די טבעת קדושין״.

אין דעם משל פיהרט האם קנס פינגערל א ויכוח מיט׳ן קדושין רינגעל, ווער עס איז מעהר יחסן און ווער ס׳איז שעהנער, מעהר געשעצט. דער איינפיהר פונם ויכוח איז אזא:

׳אין דעם גליק פון אומפארהייראטע איז שווער צו גלויבען

„מעהרסטענס איז עס דורכגעפאלט, עס גלאנצט לפנים נור, פון אויבען״.

אט אין דעם משל האב איך זיך דערמאהנט לייענדיג, אז נעקסטען זומער וועט דער ענגלישער פרינץ זיך ארויסלאזען אין אנדערע טיילען וועלט איף אנצושארען כבוד פאר זיך און זיין לאנד.

דער פרינץ איז איצינד אלט א יאהר פינף און צוואנציג. דעם כבוד וואס מען האט איהם צוגעטיילט ווען ער איז צו אונז געקומען צו גאסט און דעם כבוד וואס ער׳האט דארטען פאר זיך אין דר׳היים, אין ענגלאנד, איז אבער ווי דאס קנס פינגערל אינם דערמאהנטען פאבעל. עס גלאנצט און שעמערירט דאס דימאנטענע שטיינדעל אבער אין הארצען איז נישט אזוי פרעהליך:

מיר דא ווייסען אפילו נישט, אבער אין לאנדאן איז מען שטארק באזארגט פונם פרינצעס בחור׳שאפט. „דאס גליק פון אומפארהייראטע איז שווער צו גלויבען. מעהרסטענס גלאנצט עס נאר לפנים, פון אויבען״.

דער כבוד איז גלענצענד. אבער דער פרינץ נעבעך איז נאך אפילו נישט פאר׳קנסט.

מענשען וואס האבען גרעסערע יסורים, וועלען זיך אפשר טראכטען: „א דאגה א גרויסע. א פרינץ האט קיין דאגה נישט א חתן צו ווערען״. דאס באווייזט אבער נאר, אז די דאזיגע מענשען ווייסען נים, אז אויב ביים מזוג זיווגים איז א פשוט׳ער שידוך א מין קריעת ים סוף. דאן איז דער שידוך פאר א פרינץ אפשר שווערער פון צוויי מאל קריעת ים סוף.

ובפרט אצינד, ווען די וועלט ווערט וואס אמאל ארימער אין פרינצעסינס.

איהר וועט דאך נים זאגען, אז דער פרינץ זאל חתונה האבען מיט א פראסט מיידעל, נים קיין קעניגליכע יחסן׳טע.

„ווער וועט זיין אונזער נעקסטע קעניגין?״ — פרעגען אפטמאל די לאנדאנער צייטונגען און עס הערט זיך א פארצווייפלונג פון דער פראגע אז מען קוקט אין אלע זייטען און מען זעהט נישט קיין פאסיגע כלה. קיין לייטישען שידוך פאר דעם אזוי פיעל געעהרטען און מיט כבוד באשאטענעם פרינץ.

געוועהנליך שפעקולירט מען מיט ידיעות.

עס איז שוין אנומלטען געווען א קלאנג אז ער איז שוין פאר׳קנס׳ט; אן אנדער קלאנג — אז אט נעהמט ער פאר׳קנס׳ט ווערען; און אן אנדערש מאל — אז ער האט אפגעשיקט תנאים. אבער דאס זיינען פוסטע קלאנגען געווען. דער פרינץ עדוואארד איז נים געווען און איז נישט קיין חתן און אין לאנדאן איז מען זיך שטארק מצער דעריבער.

און נישט דוקא אצינד, ווען ענגלאנד איז שוין ווי ס׳נים ארויס פון איהרע צרות מיט א פאבריצירטען נצחון. נאר אפילו אין מיטען דער מלחמה, האט מען נישט אויפגעהערט ריידען מכח א שידוך פאר׳ן פרינץ. אין יאהר 1916, למשל, סאמע דעמאלט ווען אלע הימלען אין ענגלאנד זיינען מיט פליגער געווען אנגעפילט, האט מען זיך מתיכה געווען וועגען א שידוך און וועגען א צוקונפטיגער ענגלישער קעניגין.

מען האט דעמאלט געזעהן גרויסע שוועריגקייטען און איצט — נאך גרעסערע.

מען דארף געדענקען אז א קעניגליכער שידוך איז א דיפלאמאטישער שרים פארזוערטס אדער ריקווערטס. עס געווענדט זיך אינם שידוך. ווען למשל דער קעניג פון גריכענלאנד זאל געווען האבען אן ענגלישען פרינץ פאר א חתן, וואלט ער זיך נים געווען געקוויינקעלט אזוי לאנג און וואלט זיכער געווען ארויין אין דער מלחמה, אהן צוואנג. איף דער זיים פון די עליים.

מען ווייס וואיל, אז די רוסישע צאריצע, א דייטשקע, האט די גאנצע ציים געארבייט מעשים אז ניקאלאי זאל אריבער איף ווילהעלמ׳ס צד.

דערום מאכט ווערט דער שידוך פון דעם ענגלישען פרינץ פארעכענט אלס אן אינטערנאציאנאלע אפערע. ער ווערט, זאגט מען, חתונה האבען נאר מיט אן איסלענדישער פרינצעסין.

אין ענגלישען קעניגליכען הויף פאסירט אפילו אז א פרינץ זאל חתונה האבען אויס ליעבע. אבער אין איצטיגער פארפלאנטערטער ציים וועט אפילו א היימישער שידוך נים געטאן ווערען אהן דיפלאמאטישער ארייגמישונג. און טאקע דערום איז פון די דריי היימישע שידוכים (הערענא און וויקטאריא, צוויי פרינצעסינס פון טיק און די פרינצעסין מאוד) גארנישט געווארען. און אויב מען וועט דיקטירען שידוכים פון לאנד, איז דאך שוין מעהר פלאן און מעהר וויכטיג, אז מען זאל דעם פרינץ פאר׳קנס׳ען מיט אן איסלענדישער פרינצעסין, וואס זאל אין איין וועגס ברענגען א טובה דער לאנדס-פאליטיק.

זוכט מען.

א פרעמדע פרינצעסין וואס זאל זיין ראשית פאסיג פאר דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק; זי זאל יונגער פונם פרינץ און — דער עיקר — זי זאל נים זיין אין קריבה׳שאפט מיט קיין פיינדליך לאנד. חוץ דעם ערשט מוז זי זיין אן אייראפעאישע. מכח די איבעריגע מעלות וואס אזא כלה דארף באזיצען, זארגען זיך שוין נישט די דיפלאמאטען.

פאר דער מלחמה האט מען געזאמעלט נעמען פון פרינצעסינס וואס זיינען פאסיג פאר דעם פרינץ עדוואארד.

עס איז א פאקט אז די ערשטע אויף דעם צעטיל איז געשטאנען די פרינצעסין וויקטאריא לואיזע, ווילהעלמ׳ס איינציגע טאכטער.

עס איז שוין אזוי ווייט געווען אוועק, אז זי איז געווען אויף א וויזיט אין ענגלאנד און זי זאל שוין האבען געזאגט אז זי וואלט געוואלט זיין אן ענגלישע.

דאס איז געווען א דירעקטע אנציהערעניש אז ווילהעלם ווערט א מחותן. און ווער ווייס אויב דאס וואלט נישט געווען פארמידען די שוידערליכע בלוט־באד פון 1914 און 1918

מיט איין יאהר פאר׳ן אויסברוך פון דער קריעג האט ווילהעלמ׳ס

פרינצעסין חתונה געהאט מיט פרינץ ערנסט פון בראנשוויק. שולדיג אין דעם זיינען די הויף דאמען, וועלכע זיינען געווען קעגען דעם שידוך.

אין דער זעלבער צייט ווען פונ׳ם שידוך מיט דייטשלאנד איז גאר נישט געווארען, האט מען דעם פרינץ געוואלט פאר׳קנס׳ען מיט אן אנדער פרינצעסין פון א פיינדליך געווארענער מדינה: פרינצעסין יודאסקיע פון בולגאריען, וועלכע איז געבוירען אין 1898 און איז די עלטערע טאכטער פון דער בולגארישער צאר. און מייל זי איז מיט פיער יאהר יונגער פונ׳ם פרינץ אף ווילס, זיינען דערום די הויף־דאמען באשטאנען אויף דעם שידוך. איז אבער בולגאריען נישט נעפעלען געווארען די הויף־מענער. בולגאריען איז קיינמאל נישט געווען פאפולער אין ענגלאנד.

דאס זעלבע מזל איז געווען מיט אן עסטרייכער פרינצעסין; די הויף־מענער האבען זיך ארויסגעזאגט קאטעגאריש קעגען אן עסטרייכישען שידוך.

האט מען זיך אין מלחמה צייט געווענדעט צו די אייראפעאישע הויפען, וואס שטעהן אין פריידליכען בונד מיט ענגלאנד.

און וועגען זיי — מארגען.

ציון־קאמאנוועהלט

א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אלעם קויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש־ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער ציוניסטישער לאנד־אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אידען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארביים.

א גרויסע געלעגענהייט, וועלכע קיין איד זאל נים פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט גערען געבען אלע אויסקינפטע. זיך ווענדען האטעל פארט שעלבי.

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
דזשאדזש דזשוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברוידי
בערנארד א. ראזענבלאט

עוועניו, ניו יארק.
ציון קאמאנוועלטה, 55 — 5טע

מצות נאך אייראפא !

שיקט מצה

צו אייערע עלטערען, קרובים און פריינד אויף יענער זייט ים. 6 יאהר צייט האבען זיי נים געהאט קיין מצה צו די סדרים. הייי יאהר אבער קענט איהר זיי פארזארגען מיט די באריהמטע

ר׳ מאיר לאנדאן׳ס מצות

די מצה וואס האט צו זיך קיין גלייכען — 50 יאהר די בעסטע; צוליעב ריעזען היילינגען צוועק פאקען מיר אונזערע מצה אין — —

עלף פונטיגע פעקעדזשעס

לויט די פאדערונגען פון פאסט אפיס אזוי אז איהר זאלט זיי קענען שיקען מיט זיכערהייט נאך אייראפא. פעקעדזשעס זיינען פארטיג צו שיקען. די באקסעס זיינען ספעציעל געמאכט פאר דיזען היילינגען צוועק. דער פאסט אפיס וועט דאס פאר אייך דעליווערען. ארדערט גלייך! די צייט איז קורץ. אייך דעטראיטער אידען האבען היינטיגס יאהר די געלעגענהייט צו עסען די בעסטע מצה.

ר׳ מאיר לאנדאן׳ס מצה

מצה, מעהל, קייק מעהל און פארפעל. — גראסערי לייט מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס; ווענדעט זיך צו אונזער אגענט — די

O. K. Grocery

361 Winder Cor. Rivard Cherry 6203

פערלאנגט בלויז מאיר לאנדאן׳ס מצות פון אייער גראסער די בעסטע און געשמאק אין כשרות — די ביליגסטע אין פרייז

קאונטרי ארדערס פינקטליך אטענדעט

בריעף פון ווארשאו

פון דוד גאלדמאן

ווארשא, 13טער יאנואר, 1920.

היינטיגען שבת, 1 א זייגער ביי טאג, בין איך אנגעקומען קיין ווארשאו, און איך בין ארומגעלאפען אויף א „דראשקע״ מיט מיין באגאזש פון האטעל צו האטעל און האב פאר קיין פאל נים געקענט באקומען קיין צימער. און ווען איך האב זיך עלאזען ארויסגעהן דעם לעצטען האטעל א פארצווייפעלטער, טרעפט וועמען איך באגעגען — רב יאנקעל גאלדהאבען (א נויארקער פארטרעטער פון א פראמינענטע באנק) דאס איז געווען אן איבערראשענדער צוזאמענטרעף פאר יעדען פון אונז. איך האב איהם נים ערווארטעט און געבען צו טרעפען אין אזא ביליגען האטעל, און ער האט מיך אויך נים ערווארטעט דא צו באגעגנען.

דער צופאל איז אבער דאך געווען א גליקליכער, ווייל גאלדהאבער האט געהאט א צימער מיט צוויי בעטען און מיר אנגעבאטען צו שטעהן מיט איהם. און איך האב זיך אנגעכאפט אן דעם ווי אין דער איינציגער רעטונג נים צו בלייבען אויפ׳ן גאס. און זינט דאן שטעהען מיר טאקע צוזאמען אין פיהלען זיך זעהר היימיש, ווייל מיר זענען צוויי אמעריקאנער, צוויי אידען, און ביידע זענען מיר געקומען צוליעב איין שליחות. דער האטעל איז אבער זעהר אן ארעמער, קען נים געבען דעם ריינעם אנגענעם באקוועמליכקייטען.

נאכמיטאג האב איך אנגעהויבען זיך באשעפטיגען מיט צו ברייטען די דרוק ארביים וואס האט געשעפט פאדערט, און דא איז ארויסגעשוואומען די פראגע פון א קאנטאר פון וואנען אנצופיהרען די ביזנעס, ארויסצושיקען אנווייזונגען, אויף געלט, נעבען אינפארמאציע און דעליווערען גרוסען אין בריעף, און זינט די פראגע איז ארויסגעשוואומען, בין איך נאך אלץ שוואך באשעפטיגט מיט איהר. און קיין רעזונג איז נים צו געפינען. עס איז פשוט אוממעגליך צו געפינען א צימער.

(באמערקונג, זינט דער בריעף איז ארויסגעשיקט געווארען, האבען די ברידער גאלדמאן ערהאלטען א קייבעל, אז זייער ברודער האט שוין באקומען א פאס מיט ריזענדע אגענטען אויף אויסצוצאהלען די געלטער אויף דער פראווינץ און אין ווארשא.)

ביז מאנטאג האב איך אין ערגעץ נים געקענט געהן ווייל מיין פאספארט האט זיך געפונען ביי דער פאליציי, איצט האב איך שוין איינגעארדענט מיט די בענק.

דערנאך האב איך זיך אנגעטראפען מיט איינעם פון די גרעסטע שוועריגקייטען. אזוי ווי איך האב געהאלטען אין צוגרייטען פאסטעל קארטען און בריעף צו די ווארשאוער אידען, אז זיי זאלען קומען און אפנעמען די געשיקטע געלטער, האט אונז דער האטעל־קיפער געלאזט וויסען, אז מיר מוזען פארלאזען דאס צימער, ווייל דער האטעל איז אוועקגעגעבען געווארען אלס א רעקוויזיט פון דער רעגירונג: פאר א רעגירונגס קאנטאר, און דאס מוז מארגען געשעהן. מיר מוזען פארלאזען דעם האטעל אונטער 24 שטונדען צייט.

קענט איהר זיך פארשטעלען וואס איך פיהל היינט, נים וויסענדיג, וואו איך וועל זיך מארגען געפינען אויף אויסצוצאהלען די געלטער?

און איך וויל, איהר זאלט פון די דעטראיט׳ער אידען קיין זאך נים פארלייקענען. ווייזט זיי מיין בריעף, זאגט זיי אז דער צושטאנד פון די אייראפעאישע אידען איז ערגער וואס זוברעכט דאס הארץ.

א טעלעגראמע צו זעהר א קליינער טעריטע געמט ביז דריי טעג און בריעף ביז 4 ביז 5 טעג. בריעף פון אמעריקא נעמט פון צוויי ביז פיער חדשים.

איך האב באזוכט כמעט אלע גרויסע בענקהייזער, און לעבען יעדער באנק שטעהען מאסען מענשען אין „ליין״ אבער זעהר ווייניג ווערען געהאלפען, ווייל די ׳אדרעיסעס״ זענען נישטא, און די קרובים האלטען זיך מיט די טשעקס, און אזוי ווארטענדיג גהען זיי אוים די כוחות פון הונגער און אומגעדולדיגקייט.

איך האב געזעהן אידען וואס האבען טשעקס וואס טראגען אזא ווייטען דאטום ווי דזשולי, און דאך זאגען די בענק, אז זיי האבען נאך נישט קיין אדרעיסעס פון די אמעריקאנער בענק.

די — בענק און אנדערע ווי צוליעב שפעקולאציע, איבערהויפט די ערטער באנק. (צוליעב עטישע אורזאכען ווילען מיר נים פארעפענטליכען די נעמען פון די בענק וואס ווערען דערמאנט אין דעם בריעף).

די ארדנונג אין די היגע פוילישע בענק איז קארופירט און זעהר נאכלעסיג פארוואלטעט. ווען א מענש קומט מיט א טשעק, און די באנק האט נים זיין ׳אדרעיס״ הייסט מען איהם קומען נאכאמאל ערשט אין א חודש ארום, כאטש עס קען פאסירען אז מארגען, איבערמארגען זאל אנקומען דער „אדרעיס״ פון אמעריקא.

מיר און גאלדהאבער׳ן איז אויסגעקומען צו זיין אין דער קאמערין באנק וואו א איד איז אריינגעקומען מיט א טשעק. דער פארוואלטער פון דער באנק האט געהייסען דעם קלויירק אויסצאהלען דעם טשעק. נאר דער קלויירק האט זיך פונדעסטוועגען נים וויסענדיג געמאכט און געהייסען דעם אידען קומען ערשט אין א פאר טעג ארום.

דער איד האט זיך פארטרויעט אז ער שטארבט פון הונגער און וועט נים האבען מיט וואס איבערצוקומען די קומענדע פאר טעג, אבער דאס האט נים געהאלפען.

קענט איהר זיך פארשטעלען ווי פארפוילט די סיסטעמען אין די בענק זענען, ווען אזוינס קען פאסירען. ווען איך האב דאס דערזעהן בין איך געבליבען א פארציטערטער.

פארהאן מאני ארדערס און טשעקס וואס זענען באשטעלט געווארען און אויך אנגעקומען נאך מיט מאנאטען צוריק און עס קען נים געטאן קיין ריהר א פינגער צו א פינגער אז דאס זאל אויסגעצאהלט ווערען.

איך טו דאס בעסטע וואס איז אין מיינע מעגליכקייטען, אז דאס געלט וואס איך האב זאל אויסגעצאהלט ווערען.

איך האב זיך געמוזט באנוצען מיט דער „גרעפט״ מעטאדע צו קענען באקומען א פאר צימערן, פון וואנען אנצופיהרען די ארבייט פאר אונזער באנק.

איך האב שוין גרייט די צאהלונגען פאר לובלין און וולאדאווא און אומגעגענד און גאלדהאבער וועט די געלדער צופיהרען, ווייל ער דארף איך אין די זעלבע געגענדען.

ער איז שוין גרייט אפצופאהרען אבער די בענק נעמען זיך צייט און זיי ווילען האבען דאס געלט פאר איהם ערשט אין עטליכע טעג ארום, כאטש ער האט זיין געלד געקויפט נאך אין נאוועמבער.

וועגען דער אלגעמיינער לאגע קען איך אייך נאר זאגען אז־דאס וואס איך זעה צו איז כמעט אוממגליכליך פאר איינעם וואס זעהט דאס נים.

און וואס אנבעלאנגט די אמעריקאנער בענק, איז אפילו אזעלכע בענק וואס מיינען עהרליך און זוכען צו טאן דאס בעסטע הרג׳נען זייער רעפוטאציע און זייער נאמען.

עס זיינען אבער איצט געעפענט געווארען בענק אין א מאסע שטעדט, אפילו אין מינסק און סובאלק. איך וועל אלזא אוועקלעגען געלט אין יעדער פראווינציאלער באנק און אזוי ארום וועלען די אידען אין יענע שטעדט האבען ווייניגער שוועריגקייטען, ווייל איך וועל אראנזשירען מיט די פראווינץ בענק אויסצוצאהלען די געלדער, נאך איידער זיי וועלען באקומען דעם „אדרעיס״. און אזוי לאנג ווי איינער וועט האבען אן אנווייזונג פון מיר, וועט ער זיך אונטערשרייבען און באקומען די געלט אין דער באנק פון זיין שטאדט.

איך וועל דרוקען ארדערס מיט 3 רעציטס, דיזע רעסיטס וועלען די בענק מיר צוריקשיקען און איך וועל זיי געבען אן עקסטרא באלוינונג דערפאר. וואס אמבעלאנגט שטעדט וואו עס זענען נישטא קיין בענק, וועל איך אנשטעלען ספעציעל רייזענדע.

פאר קאוועל, ראוונא, דובנא, לוצק און אומגעגענד האב איך שוין אראנזשירט מיט אן אנגעשטעלטען מיט א קאוועלער מאן פון דער באנקירען הויז קאגאן, ברוך און קא. (א קאוועלער באנק) און אלעס ווערט באזארגט צום וואל און בעסטען פון אלעמענס צופרידענהייט.

וואס אמבעלאנגט שיפסקארטען קיין אמעריקא מוז איך אייך שרייבען, אז עס איז דערווייל נים מעגליך עפעס צו טאן.

די פוילישע רעגירונג איז נים זעהר גערן ארויסצוגעבען קיינע פאספארטען און אפשר דארף מען זי נים באשולדיגען ווייל די רייזע־אומשטענדען זענען זעהר נים גינסטיג. פשוט ווייל עס פעהלען באהנען און די וואס וואלטען זיך אפילו שוין ווי עס איז צוגעשלאגען ביז צו אן האפען, וואלטען דערנאך זיך געמוזט וואלגערען וואכען און חדשים ווארטענדיג אויף דרע שיף ביז זיי וואלטען נאך מעהר פארהונגערט געווארען.

עס איז גענוג צו זיין אין פאריז איין טאג און צוזעהן די ליידען פון די אלעמע אימיגראנטען אין פאריז. וואס זענען דארטען געבליבען שטעקען, ווייל עס פעהלען שיפען. איצט שטארבען זיי בוכשטעבליך פון הונגער און האבען נים מיט וואס איבערצוקומען א טאג. און די פאר אידישע וואלטעטער אין פאריז וואס נעמען שוין אפילו אן אנטייל אין דער לאגע פון די אומגליקליכע אימיגראנטען קענען אויך גארניט טאן פאר זיי.

דעריבער איז וויכטיג צו ציהען דיא אויפמערקזאמקיים פון אונזערע קאסטימער און נוטע פריינד, אז זיי זאלען נים פארקירצען די יאהרען פון זייערע קרובים און זאלען זיי נים הייסען ארויספאהרען.

עס איז אמת, אז איינצעלנע מענשען וואלטען זיך אפשר געקענט דורכשלאגען קיין אמעריקא, אבער וואס פאר א גרויסע קרבנות, וואלטען זיי געדארפט ברענגען אויף דער טריין, און דערנאך ביי דער שיף. דעריבער איז ווינשענסווערט, אז איהר זאלט דאס וויסען.

שיקט זיי טרייסט בריעף, הייסט זיי האבען געדולד און הייסט זיי ווארטען. די לאגע וועט זיך זיכער ענדערען און צום בעסערען און עטדערען מעגליך גאר אין גיכען.

פערזענליך פיהל איך זיך גוט. דער אמעריקאנער פאספארט ווירקט אין פוילען ווי א מאגנעט פאר אונז. אמעריקאנער, איז דאס לעבענס־מיטעל זעהר ביליג, אבער פאר דעם לאנדסמענשען איז זעהר ביטער אויסצוקומען מיט זיינע פארדינטע אדער געשיקטע געלד.

עס איז האלב נאך צוויי ביינאכט און איך שרייב די בריעף ביי דער שיין פון דריי ליכט וואס שטעהען אויף איבערגעקעהרטע גלעזער.

אייער,
דוד גאלדמאן.

MAR 12 1920

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידיש צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. — DETROIT, MICH., Monday, march 8th 1920 Vol. 2, No 21 — מאנטאג, מארטש 8־טען, 1920.

ארבייטער געווינען באן סטרייק אין פארטוגאל

ווינא, שפאניען, מארטש 6. די פארטו־געזישע באהן - ארבייטער האבען געוואו־נען דעם סטרייק. זייערע פאדערונגען זע־נען נאכגעגעבען געווארען און דער באהן - פארקעהר האט זיך שוין אנגעפאנגען. צו־גען געהען דורך די גרענעץ לעבען טיו ווי אין געוועהנליכע צייטען.

פארטוגעזישער קאבינעט רע־זיגנירט

לאנדאן, מארטש 6. דער פארטוגעזישער קאבינעט האט רעזיגנירט, ווייל דער פאר־לאמענט איז געווען געגען איהר ערקלעה־רונג, אז די סטרייקערס, וועלכע וועלען זיך ניט צוריקקעהרען צו דער ארבייט אינ'ם פארלויף פון די קומענדע 48 שטונדען, וועלען פארלירען זייערע שטעלעס.

אין דעטרא טער קאורטס

צוויי פון אחינו בני ישראל דארפען צאהלען $12,600 פאר א "מתנת יד"

עליאס און סאמיועל וואלף, וועלכע האבען געהאלטען א סאלון אין 1772 מי־שיגאן עוו., זיינען פון א דזשורי אין סירקוט קאורט צוגע'משפט געווארען צו באצאהלען $12,600 צו איינעם א דזשאהן באניסקי, וועלכער האט זיי געקלאגט, אז זיי האבען איהם "גע'ממית'ט", נאכדעם ווי ער האט מיט זיי געהאט אן "ארגו־מענט" איבער א באטעל וויסקי, וואס ער, באניסקי, האט פון די סאמיועלס פאר לאנגט אלס קריסטמאס פרעזענט.

אלס שטומע עדות האט באניסקי גע־בראכט אין קאורט אריין דריי איסגע־האקטע ציינער און אן "עקס רעי" פאטא־גראפיע, וואס האבען באוויזען אז באניס־קי'ס קינבאק איז צובראכען געווארען אין דריי פלעצער.

א געזעגטער "פוט באל" שפיעלער קלאגט זיך אז א מיידעל האט איהם גע'ממית'ט

העראלד עקעלמאן, 18 יאהר אלט פון 292 קווירבי עוו. איסט, איז ארעסטירט געווארען אויף דער באשולדיגונג, אז ער האט געפאטשט א יונג מיידעל אין א טאנץ האל אויף וואודווארד עוו. ביים פראצעס האט זיך עקעלמאן געקלאגט, אז די פרוי האט איהם פריהער דערלאנגט.

— ביסט א שעהנער ספארט — האט געזאגט דזשאדזש קאטער פון פאליס־קאורט — דו זאגסט אז דו ביסט א "פוט באל" שפיעלער און דו שעהמסט זיך ניט צו זאגען, אז אט דאס מיידעל האט דיך גע שלאגען. שעהם זיך, העראלד, און באַ־צאהל 10 דאלאר און קאסטען...

רויבער פון 250 הייםען קריגט פון 5 ביז 15 יאהר פריזאן

דער באריהמטער באנדיט ס. פראנק, וועלכער האט בארויבט ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי 250 הייםען, איז פון [illegible] דזשעפריס אין היגען רעקאר־דערס קאורט צו'געמשפט געווארען צו זיצען אין "קעסטעל" פון 5 ביז 15 יאהר. [illegible] האט זיך ערקלעהרט שולדיג אין [illegible], אבער גאנצע 249 רויבערייען האט ער געפונען פאר נויטיג אפצולייקע־נען.

12 דעטראיטער פארלאך צושיידט — אין איין טאג

דער קאונטי קלערק, טאמאס ע. פארעל האט לעצטען פרייטאג צו'גט גאנצע 12 פארלאך.

צווישען די 12 געפינען זיך צוויי אידי־שע פארלאך, און דאס זיינען: הילדא און איב בארענשטיין, און מערי און יאזעף וויסמאן.

יאפאן גרייט זיך צופארלאזען סיביר

וואשינגטאן, מארטש 6. דער באריכט, אז יאפאן רעכנט צוריקציהען איהר ארמיי פון סיביר איז א פריהצייטיגער, ווייל ריעזע פראגע וועט איצט באהאנדעלט אין דעם דיעט (פארלאמענט). די רעגי־רונג האלט זיך דערווייל אפ פון צובייטען איהר טאקטיק.

די לאגע אין וולאדיוואסטאק ווערט פארלאנגערט, צוליעב דעם וואס די אר־טיגע סאוועט - רעגירונג פארזוכט צו פאר־בינדען זיך מיט דער מאסקווא'ר רעגירונג.

אין ס'איז פארשטענדליך, דאס די אויס־לענדישע מיליטערישע פארשטעהער מי־נען ווי נים איז אנערקענען די ארטיגע רעגירונג און אויב זי וועט זיך פארבינדען מיט דער מאסקווער רעגירונג וואלט אזא אנערקענונג אויסגעטייטשט געווארען, אז די סאוועטען - רעגירונג ווערט אנערקענט.

יאפאן זעהט אויס מאכט פארטיג איה־רע פלענער וועגען צוריקציהען איהרע טרופען פון דער סיבירער אייזענבאהן אין דר אמורער און אנדערע פראווינצען.

לעהרער. פאדערען לעבענס־לענג־ליכע שטעלעס

אויף זייער לעצטער פארזאמלונג פריי־טאג אווענט, האבען די הייסקול פרויען־לעהרער פון דער נייעגעגרינדעטער יוניאן באשלאסען צו פאדערען, דאס לעהרער פון דער פובליק סקוהל זאלען ווערען לעבענס־לענגליך אנגעשטעלט, נאך דריי יעהריגער ארבעט.

די אורזאכע ווארום די פרויען האבען ארויסגעשטעלט דיזע פאדערונג איז, כדי צו באשיצען די לעהרער פראפעסיע פון די פארשידענע פאליטישע פארפאלגונגען

די פראגראם, וואס איז אנגענומען גע־ווארען, זאגט זיך ארויס, אז קיין לעהרער קען ניט ווערען ענטזאגט פון זיי שטעלע, סיידען צוליעב אונפעהיגקייט אדער אונ־מאראלישע אויפפיהרען זיך און אויך נאר דאן, ווען אן עפענטליכער געריכט, וואו דער אנגעקלאגטער לעהרער האט זיין לאַ־יער, פסקנ'ט עס צו.

נאך פינף פרויען לעהרער האבען זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן, וועמענס צאהל מיטגליעדער איז 24.

ווי קאקס, פרעזידענט פון דער מענער לעהרער יוניאן האט באריכטעט, דאס די צאהל מיטגליעדער פון דער יוניאן איז פארדאפעלט געווארען און אז ער האפט צוקריגען נעקסטע וואך נאך 100 אונטער־שריפטען.

וואגאבונד קריגט א היים אויף זעכציג טעג

דזשאהן מילס איז 22 יאהר אלט. ער רעט — "איך ערגעץ ניט און אומעטום". ער איז ארעסטירט אויף דעם גרונט פון היימלאזער וואגאבונדעריי און ווען די פאליציי האט אונטערזוכט זיינע קע־שענעס, האבען זיי ביי איהם געפונען א "פלעשליים" און א סקעלעטאן שליסעל, געלקח'ענט פון א האטעל.

דער דזשאדזש האט איהם געגעבען צוויי ברירות: ענטוועדער באצאהלען 100 דאלאר שטראף אדער געהן אויף 60 טעג אין "הויז אוו קארעקשאן".

פון ווילנא.

מען בעט אונז מודיע צו זיין אז דאס געלד וואס מר. אליהו קאנטאר פון גרענד רעפידס (מישיגען) האט געשיקט צו זיין קרוב יעקב קאנטאר איז נאך [illegible] קומען.

מר. קאנטאר [illegible] געשיקט דורך דער אלד נעש[illegible]נאל באנק, אין אונגעפאהריגען יאהר [illegible] איז געבעטען ער זאל זיך ווענדען מיט דער באנק זי זאל אויס־צאהלען דאס געלד וואס פריהער.

ציוניסטען גיבען פאלעסטינאר פרויען גלייכע רעכט

ניו - יארק, מארטש 6. פון לאנדאן איז אנגעקומען א ידיעה צו דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אז "גלייכע רעכטע" זענען באשטימט געווארען פאר פאלעסטינאר אידישע פרויען, וועלכע וועלען קענען שטימען און ערוועהלט ווערען צו דער קאנסטיטואירענדער פארזאמלונג וואס דארף אינגיכען צוזאמענגערופען ווערען.

ניו יארקער ארבייטער געגען כינעזישע ארבייטער.

ניו־יארק, מארטש, 6. די סענטראל פעדערייטעד יוניאן פון ניו־יארק האט נעכטען ביינאכט אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער זי ווארענט די נאציאנאלע אינדוסטריעלע און אגריקולטורעלע קאמיטע פון שיקאגא, "אז קיין כינעזישער אר־ביטער זאל ניט אריינגעבראכט אין אמערי־קא און אז די ארגאניזירטע ארבייטער וועלען זיך געגענשטעלען יעדען פארזוך אויס־צופיהרען די פלענער פון דעם רעאקציא־נערען גרויס - געשעפטליכען קלאס".

14 יאהריג מיידעל געהט הייראטען מיט א מאן פון איבער זעכציג

עסקאנאבא, מעל"ך 6. — קעפטען טשארלי סטאן, א מאן פון איבער די זעכציגער, האט זיך געווענדעט צו די לאַ־קאלע קאורט באאמטע פאר א געזעצליכע סאנקציאנירונג פון זיין הייראט, מיט זיין אינדיאנישער געליעבטע, ראזי בוראסא, וועלכע איז בלויז 14 יאהר אלט.

די לאקאלע באאמטע האבען אבער זיך אנטזאגט צו געבען א געזעצליכע הסכמה אויף אזא הייראט.

אינטערעסאנט איז וואס ראזי'ס עלטע־רען זיינען פונ'ם שידוך גאנץ צופרידען, און ראזי אליין איז שטערבליך פארליעבט אין'ם אלטען קעפטען.

קוילען מאגנאטען פארלאנגען געריכט זאל צוריקרופען מלחמה געזעצען.

וואשינגטאן, מארטש 6. אין דעם סופ־רים - קאורט פון דעם דיסטריקט אוו קא־לומביא איז אריינגעבראכט געווארען א זאגע געגען דעם לעווער - געזעץ, וועל־כע גיט דעם פרעזידענט פון די פאראייניג־טע שטאטען רעכטע, וואס ווערען פון דער קאנסטיטוציע ניט פארגעשריבען.

די קלאגע איז אונטערגעשריבען פון קוי־לען מאגנאטען; זיי פאדערען, דאס פרע־זידענט ווילסאנ'ס מאכט, וועלכע ער האט געקראגען אין פארלויף פון דער מלחמה, זאל אטאמאטיש זיך ענדיגען ווייל זיי רעכנען דאס די מלחמה האט זיך געענ־דיגט אין דער מינוט, ווען מר. ווילסאן האט דעם שלום - אפמאך אונטערגעשרי־בען.

רוזוועלט האט איבערגעלאזט א ירושה פון $781,082

מינעאלא, נ. י., מערץ 6. עס איז דא היינט באקאנט געווארען, אז קאלאנעל רוזוועלט האט איבערגעלאזט א ירושה פון $781,082.

ער האט איבערגעלאזט א קאפיטאל פון $630,107 און ריעל עסטייט אין ווערט פון $150,975.

אויף דעטראיטער גאסען

באנדיטען שטעלען אפ א קאלעקטאר, רויבען $2,000

לעצטען שבת האבען 2 באוואפענטע באנדיטען געמאכט א "האלד אפ" אויף א לויפענדען אויטאמאביל אויף קערטשע־וואל עוו., אין וועלכען עס איז געזעסען דזשא. וו. שילד, א קאלעקטאר פאר דער "גרעיט אטלאנטיק ענד פאסיפיק טי קא." און פון איהם גערויבט $2,000.

ווען די תכשיטים זיינען פארטיג גע־ווארען מיט'ן דזשאב, האבען זיי זיך אריינגעכאפט אין א צווייטען אויטאמא־ביל, וואס האט געווארט ספעציעל פאר זיי און זיינען אנטלאפען.

אייב איהר טראגט א בלויע העמד, היט זיך פאר קלעפ!

הערט א מעשה:

רזשארדזש אלמאנד איז פרייטאג אווענט געשטאנען גאנץ פריעדליך ביים אריינגאנג פון א דאונטאון דעפארטמענט סטאר און אין מיטען דרינען האט זיך באוויזען א קלוירק פון סטאר און איהם אוועקגעשטופט.

דער קלוירק האט געטראגען א בלויע העמד.

שבת אווענט האט רזשארדזש באַ־שלאסען ווידער אמאל זיך אוועקשטעלען ביי'ם אריינגאנג פון דער זעלבער סטאר און אין האנט האט ער געהאלטען א גלע־זערנעם פיטשער.

באלד האט זיך אין טיר באוויזען א מאן, וואס האט געטראגען א בלויע העמד.

אט רזשארדזש ניט געטראכט לאנג און צובראכען דעם פיטשער אויף זיין קאפ.

דערנאך האט זיך ארויסגעוויזען, אז טראץ וואס דער מאן האט געטראגען א בלויע העמד, איז ער אבער ניט געווען יענער, וועמען רזשארדזש האט געמיינט צו טרעפען.

דער נאמען פון דעם מאן, וואס האט געכאפט מיט'ן פיטשער איבער'ן קאפ איז עאן מעגאס פון 246 מאונט עליאט עוו. ער איז גלייך צוגענומען געווארען אין רעסיוויינג האספיטאל, וואו מ'האט איהם באנדאזשירט דעם מח.

רזשארדזש איז גלייך ארעסטירט גע־ווארען.

צוויי קליינע קינדער דער'הרג'עט פון אויטאמאבילס

מארגארעט ראקאסטא, 6 יאהר אלט פון 15 וואטערלא סטריט איז לעצטען שבת דער'הרג'עט געווארען פון א ווילסאן ביף קאמפ. טראק אויף גרעשיאט עוו. דער דרייווער איז געווען יאזעף דייטריך, 29 יאהר אלט, וועלכער איז גלייך ארעסטירט געווארען.

לעצטען פרייטאג איז אויף טראמבעל עוו. דער'הרגעט געווארען א פינף יעהריג מיידעלע מיט'ן נאמען עלענאר גלאזאווסקי, אויף פון אן אויטא־טראק, וועלכער איז געטריבען געווארען פון לואיס בראנט, 631 פרעדעריק סטריט. דאס מיידעלע, וועלכע איז צוגענומען געווארען אין סט. מריטען האספיטאל איז גלייך געשטאר־בען.

פאדערט אמעריקא זאל אנער־קענען ארמעניען.

וואשינגטאן, מארטש 6. סענאטאר קינג האט אריינגעבראכט א רעזאלוציע אין'ם סענאט, אין וועלכער ער פאדערט אויף די אמעריקאנישע רעגירונג, דאס זי זאל אנערקענען די אונאפהענגיגקייט פון ארמעניען.

יאפאן אנערקענט ארמעניען.

פאריז, מארטש 6. יאפאן האט געלאזט וויסען דעם אמבאסאדארען - ראט, דאס זי אנערקענט ארמעניען אלס א פאקטי־שע רעגירונג.

אידישע לאגע אין אונגארן איז טרוי־עריג, זאגט ענגלישער קארעספאנדענט

אין דער זונטאג'דיגער "דעטראיט פריי פרעס" שרייבט איהר בודאפעסטער קאר־רעספאנדענט דזש. לאיד באלדערסטאן וועגען דער לאגע וואס הערשט היינט־צו־טאג אין דער "ווייסער" אונגארן. ער רעדט אויך וועגען דער אידישער לאגע, און זיין באריכט וועגען די אונגארישע אידען איז זעהר ניט קיין פרעהליכער.

דער קארעספאנדענט זעהט אויס צו זיין באקאנט מיט די נייע ווינטען, וואס בלאזען איצט אין אונגארן און דארום איז אר אונז, אידען, וויכטיג צו הערען זיין מיינונג.

און אט וואס דער קארעספאנדענט האט צו זאגען:

"די אידען אין אונגארן לעבען איצט דורך זעהר א שלעכטע צייט. פאגראמען אויף אידען זענען ניט פארגעקומען אין מען דארף זיי, אויך ניט ערווארטען, אבער די איצטיגע רעגירונג זעהט אויס צו זיין ענטשלאסען אום צו מאכען דיא אידען זייער לעבען אזוי אונבאקוועם, דאס זיי זאלען זיין געצוואונגען צו פאר־לאזען דאס לאנד.

"דער אגריקולטור מיניסטער הער פאן רובעניקי, האט ניט לאנג צוריק באריכ־טעט, דאס די רעגיערונג האט באשלאסען איינצופיהרען א "פראצענט נארמע" פאר אידישע יונגע לייט, וואס ווילען אריינ־טרעטען אין די העכערע שולען. די אי־דישע פעהיגקייט, האט דער מיניסטער ערקלערט, מוז באקעמפט ווערען ניט דורך געפלינגעלטע ווערטער, נאר דורך ארבייט, שפארזאמקייט און די אונגארן, האט ער ווייטער געזאגט, מוזען זיך אפגעבען מיט האנדעל אויף א גרויסען מאסשטאב און ארויסרייסען איהם, דעם האנדעל, פון די אידישע הענט.

"א העסליכע שטימונג ווערט אלץ גרע־סער צווישען דעם פאלק. ווי ווייט ס'איז באוואוסט האבען די אידען נאך ניט גע־טאן אזעלכעס, וואס זאל ערוועקען א שנאה צו זיי, אבער אין מזרח אייראפא איז שוין דאס די געוואוינהייט צו באשול־דיגען די אידען, ווען עפעס איז ניט גלא־טיג און די רעגירונגען זענען שוין איינ־געהיפט אין דער קונסט פון אפציהען דעם פאלקס־צארן פון זיך און איהם אנווענ־דען געגען דיעזער לאנגליידענדער ראסע (די אידען).

ניט לאנג צוריק איז אין בודאפעסט אפגעהאלטען געווארען א גרויסע פארזאמ־לונג, אויף וועלכער ס'איז אנגענומען גע־ווארען א רעזאלוציע, דאס די קריסטליכע נאציאנען זאלען באזעצען אלע זייערע אי־דען אין א אידען־שטאט און אויב דאס איז ניט מעגליך זאל מען צוטיילען דיא אידען צווישען די פעלקער לויט דער פרא־פארציע פון זייערע באפעלקערונגען. די זעלבע פארזאמלונג האט געבעטען גענ. הארטי (דעם איצטיגען רעגענט) ער זאל קאנפיסקירען אלע שפייז־זאפאסען וואס געפינען זיך ביי אידען און צוטיילען זיי צווישען דער קריסטליכער באפעלקערונג".

קוילען מאנגעל ערווארטעט אין מישיגאן סטייט

דער קויהלען קאמישאנער פאר מישי־גען סטייט, דזש. דירבאווא, האט אנאנ־סירט פאר דער היגער באארד אוו קאמערס, אז די פעדעראלע רעגירונג האט אנטזאגט צו באוויליגען די פארלאנגטע גאראנטיע, וואס מישיגען סטייט האט געפאדערט, אז די פעדעראלע רעגירונג זאל אונזער סטייט פארזארגען מיט גענוג קויהלען און אנדע־רע ברען־מאטעריאלען.

מר. דירבאווא האט ערקלערט, אז אלע ארגומענטען און פאקטען וואס זע־נען צו דער פעדעראלער רעגירונג צוגע־שטעלט געווארען מכח דעם קויהלען־מאנ־געל פון מישיגען סטייט און מכח דעם איבערפלוס פון קויהלען אין אנדערע שטא־טען — האבען ניט געהאלפען.

דעם רעזולטאט פון זיין ארבייט האט מר. דירבאווא סומאריזירט מיט פאלגענדע ווערטער:

"מיר וועלען פיליכט האבען גענוג קוי־לען פאר פריוואטע הייזער און עפענטליכע געביידען, אבער אינדוסטריען וועלען ליי־דען א גרויסען קויהלען מאנגעל.

אין זיין רעפארט, וואס דער קאמישא־נער האט צוגעשטעלט צו דער באארד אוו קאמערס ווערט באוויזען, אז אין דעטראיט האבען זיך אויסגעשעפט אלע קויהלען זאפאסען און אז פיעלע פלענטס נוצען די קויהלען וואס זיי קריגען אריין פון צייט צו צייט.

שיקאגא'ר וויסענשאפטסמאן פארשוואונדען

אנדרושעלאס דזש. קעסטען, א דירעק־טאר פון עקספערעמענטאלער כעמיסטרי און ערפינדער, וועמענס ערפינדונגען די רעגירונג האט באנוצט אין פארלויף פון דער גרויסער מלחמה, איז לעצטענס פאר־שוואונדען געווארען און ער ווערט יעצט געזוכט אין דעטראיט.

א פריינדין פון דעם ערפינדער, מיס טייבעל נעלסאן פון שיקאגא, האט ערהאל־טען א בריעף פון דעטראיט, געשריבען פון אן אומבעקאנטען מענשען, מיט דער ידיעה, אז קעסטען איז גע'הרג'עט גע־ווארען פון א טריין אין דעטראיט.

די פאליציי פון דעטראיט און פון שי־קאגא זוכען יעצט ארום יענעם בריעף־שרייבער, אבער קיין ערפאלג האבען זיי נאך ניט געהאט. די גאנצע געשיכטע איז איינגעוויקעלט אין א מיסטעריעזען טומאן און איינציגע זענען געניגט צו גלויבען, אז דער ערפינדער איז געקידנעפט געווארען.

באשולדיגט שין פיינער זענען גרייט צו מאכען שחיטות

לאנדאן, מארטש 6. יאן מעקפערסאן, הויפט סעקרעטאר איבער איירישע אנגע־לעגענהייטען האט אין ענגלישען פארלא־מענט פארטיידיגט די איירישע אדמיני־סטראציע. ער האט צוגעגעבען אז די לאגע אין אירלאנד איז א געפעהרליכע, ווייל די שין־פיינערס האבען אמוניציאן 200 טויזענד מיטגליעדער, וועלכע זענען יעדע שטונדע פון טאג אדער נאכט גרייט צו מאכען שחיטות.

ער האט געזאגט, אז די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין אירלאנד איז איצט מעהר פארשפרייט ווי אין דער צייט פון דעם באוואפענטען אויפשטאנד אין יאהר 1916.

וואס קאסט היינט א שיפס־קאר־טע נאך אמעריקא?

דאס לאנדאנער איד. קאר. ביורא איז מודיע: מיט וואסערע שוועריגקייטען די עמיגראציע פון רוסלאנד קיין אמעריקא אדער פאלעסטינא איז פארבונדען באַ־ווייזען די פאלגענדע אפיציעלע ציפערען פונ'ם עסטרייכישען ללויד:

פון טריעסט קיין בראזיליען קאסט ער־שטע קלאס 45,000 קראנען; צווייטע קלאס 31,000; צווישען דעק 18,000;

פון טריעסט קיין ארגענטינא קאסט די ערשטע קלאס 44,000 קראנען; צווייטע קלאס 36,000; צווישען דעק 18,000

פון טריעסט קיין ניו - יארק קאסט ערשטע קלאס פון 40 ביז 66 טויזענד קראנען; (לויט דער שיף) צווייטע קלאס, פון 25 ביז 30 טויזענד; צווישען דעם דעק 16,000 קראנען.

"הזכרה" נאך קאלטשאקען אין וואשינגטאן.

וואשינגטאן, מארטש 6. אין דער רוסי־שער אמבאסאדע איז היינט פארגעקומען א "הזכרה" נאך קאלטשאקען וועלכער איז הינגעריכטעט געווארען אין אירקוטסק דעם 7־טען פעברואר. פארשטעהער פון דיפלאמאטישען קארפוס זענען דארט אנ־וועזענד געווען.

לעזט מארגען אין "וועג"

א פולע ליסטע פון רעסיטס און אונ־טערשריפטען, וואס זענען ערהאלטען גע־ווארען פון דוד גאלדמאן, אויף די געלדער וואס ער האט אויסגעצאהלט אויף יענער זייט ים.

אין מארגענדיגען נומער "וועג"

"דעטראיט אויף דער־לינקער זייט" — א לעבעדיגער פעליטאן, וואס רעדט ארום דאס לעבען אין דעטראיט, געשריבען פון ישראלי. דאס איז דער ערשטער פעליטאן א מין הקדמה צו די אפטע פעליטאנען אונטער דעם זעלבען קעפעל, וואס ישראלי וועט שרייבען פאר'ן "וועג".

"ציון קאמענוועלטה" — אין די אינ־טערעסע פון דיעזער ארגאניזאציע איז אהער געקומען דער דיכטער פ. מ. ראס־קין, וועלכער וועט אין א רייהע ארטיקלען אין "וועג" דערקלעהרען דעם עולם די ציעלען פון דיעזער ארגאניזאציע.

אין מארגענדיגען "וועג" וועט דער לעזער געפינען דעם באריכט פון די לעצ־טע צוויי זיצונגען פון דעם לאנדאנער אקציאנס קאמיטעט.

וואס פאר א מיטעל האט ענגלאנד אנגענומען אויף צו באקעמפען די לענ־דארדס וועלכע שינדען די הויז אזוי גוט ווי אין דעטראיט, און וואס קען דעטראיט טאן צו לייזען די וואהנונגס פראבלעמע — וועגען דעם לייענט מארגענדיגען לייט ארטיקעל פון אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין.

און אינטערעסאנטען עדיטאריעל וועט דער לעזער געפינען אין מארגענדיגען נו־מער "וועג" אויף דער לעצטער פיידזש געשריבען פון ב. י. ג — ן.

דער באוואוסטער ה'
ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע
צופרידענהיים.
5?1 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון
אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווי
קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס
קאונטארס, שעלווס, סייפס, סקייל,
גרושיסטערס, נייע און געיוזטע
מייזען מעסינען. ארענטליכע בעהאנד־
לונג. 2 סטארס.
רעליעבל סטאר פיקסטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער הענגינג
דעקאריישאן און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ־
טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלם סט.

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון
אונזער גרויסען סטאק. מיר
קויפען פאר קעש און פאר־
קויפען אויף לאנגע
טערמינען.
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־
פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען
זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם
מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט
פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער
נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען,
עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך
פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען
די נויטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט
אייך עהלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O. D.
אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט
זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגענאיבער
עהרליך"ס דזשועלרי סטאר.

קויפט וואו אלע קויפען
גודס, פענסי דריי גודס, קויר־
טענס, קווילטס, בלענ־
קעטס, בעסטע ברענד
אנדערוועהר
ספעשעל רעדאקשאן פאר
פעברואר:
מאכט קיין מיסטייק!
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
נעמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נער
געמאכט נאר פון ריינער האוואנא.
... דורענד. איהר וועט
... ניט הבאפן. פאדערט דר
דאנד ביי אייער דילער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

באריכט פון דער היגער פי־פעלס רעליעף ארגאניזאציע

געלד וואס זענען אריינגעקומען נע־
ווארען אין אפיס פון דעטראיטער פיפעלס
רעליעף פאר די לעצטע צוויי וואכען,
פון א חתונה ביי מר. א הערשענסאן,
263 פערי עוו. איסט, דורך מר. און מרס.
שראגא, 267 טהעאדאר סט. $20.00
אויף א תנאים ביי מר. משה קאליניצ־
קי 188 ברוסטער סט. געזאמעלט דורך
משה סילווערמאן, 319 מעדבורי $34.71
פון דאווידהאראקער רעליעף סא־
סייעטי — — — — — — $15.00
א דאנעישאן פון לאח'קע ביסקין, 225 וואר־
רען עוו. איסט — — — — — $8.00
אויף א פארטי וואס איז פארגעקומען
ביי מר. נ. לייבמאן 264 פרעדעריק עוו.
איז געזאמעלט געווארען דורך מ. גינזבורג
ביי די פאלגענדע פערזאנען: נ. לייבמאן,
קאפלאן, ברידער גינזבורג מ. דזשייקאב־
סאן, ה. גאלדשטיין, י. פארטנאי, באלטיק
און אנדערע — — — — — — $86.00
א דאנעישאן פון מרס. פעני האמין
פו א נדר. — — — — — — — $8.00
דאנעישאן פון „היילאנד פארק ליידיעס
עקזיליערי" געזאמעלט דורך מרס. סטרעל־
ניק און מרס. געקער פאר'ן פאנד אריבער־
צונעהמען יתומים פון אייראפא— $35.00
דאנעישאן פון ספיוואק — — — — .50
דאנעישאן פון מרס. ב. מעלאן — $1.00
פון רוסיש־פוילישען פעראיין; אלס מיט־
גליעדס־ביישטייערונג צו דער פיפעלס
רעליעף — — — — — — — $5.00
פון ארבייטער רינג בר. 111 אלס מיט־
גליעדס־ביישטייערונג צו דער פיפעלס
פיפעלס רעליעף — — — — — — $5.00
איבערגעגעבען פון קר. פיליפ סלימאר־
וויטש סופערוואייזאר „און די יאנג דזשו־
דייא ארגאניזיישאנס פון דעטראיט", די
סומע פון $81.17 וואס איז געזאמעלט גע־
ווארען צווישען די מיטגליעדער פון די
„יאנג דזשודיא ארגאניזיישאנס" פאר די
קינדער פון די מלחמה לענדער.
ביינעטראגען פון די פאלגענדע ברענ־
טשעס:
פארגעט־מי־נאט און זייאן — $21.45
יאנג דזשודייא ליטערארי קלאב $15.00
עקזילערי און זייאן — — — $11.83
נאיטס און דזשודייא — — — $11.80
ביוטס און דזשודייא — — — $6.45
לילים און זייאן — — — — $5.57
ראזעס און זייאן — — — — $5.07
ראטערס און דהי וויט ענד בלו $4.00

טאטאל — — — — $81.17

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע
ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

זי האט זיך אביסעל פארטראכט און
דערנאך זיך א חאפ געטאן ווי גלייך זי
האט זיך אין עפעס דערמאנט:

— איך קען ניט אנקוקען קיין מאנס־
געזאן. זיי זענען ערגער פון די וועלפ.
איך האב מורא פאר זיי, איך וועל אנט־
לויפען פון זיי ווי פון גזלנים. זיי האבען
פארסם'ט מיין לעבען.

די ווערטער האט זי געזאגט מיט גרוים
כעס און עס איז ניט קיין וואונדער, אזוי
ווי מיט יעדען מענשען. ווען מען שרעקט
זיך איבער פאר'ן עפעס, שרעקט מען זיך
שטענדיג פאר דער זאך, ובפרט נאך ביי
אזא יונג מיידעל ווי לאה, א יונגער מאן
פיאדאר אין וועלכען זי האט אזוי געליעבט
געהאלטען איהם פאר דעם בעסטען מענ־
שען און ער האט זי אזוי אומגליקליך גע־
מאכט אהן שום רחמנות. ער האט איהר
פארסם'ט איהר גאנץ לעבען. דערנאך
דער אלטער לאבערבלאט, וואס זי האט
איהם געדעכענט פאר דעם עהרליכסטען
מענשען, האט זי נאך מעהר אומגליקליך
געמאכט, אז זי האט געמוזט ביינאכט
אנטלויפען פון איהם. דערנאך די גאנצע
שרעקליכע נאכט וואס זי האט איבערגע־
ליטען כמעט פון יעדען וואס האט זי באר
געגענט. דאס אלעס האט געמאכט אויף
איהר אזא שרעקליכען איינדרוק, אז זיא
פלעגט זיך שרעקען פאר מאנסבילען ער־
גער. זי האט אין זיי מעהר ניט געזעהן ווי
חיה־שווינדלערס, וואס קענען אלערליי
חניפות און שמייכלעריי אבי אומגליקליך
צו מאכען יעדעס עהרליכע מיידעל; זיי
ווערען בעלי צדקות, גוטע מענשן באקומן
רחמנות, ווילן מיטהעלפען ארימע, און
סוף כל סוף לאזט זיך אויס, אז זייער
גוטסקייט און עהרליכקייט, זייער באקו־
מען רחמנות איז ניט פון דעם ריינעם
הארצען, נאר צוליעב דעם כדי מעהר און
גרינגער קענען אריינחאפען די אומגליק־
ליכע אין זייער נעץ.

ווי לאה האט געהאט די ערגסטע מיי־
נונג פון מאנספערזאנען, פון דעסטוועגען
האט זי זיך אויף מארגען ענטשלאסען,
ניט אזוי מורא האבען און ניט אזוי אנט־
לויפען פון זיי, ווארום אזוי זיך אויפפיה־
רען קען מען ניט לעבען צווישען מענשען
ובפרט נאך אז מע דיענט ביי יענעם.

— או ווידער, האט זי זיך געזאגט.
מאלע וואס מיר געפעלט ניט, וואס מיר
איז ניט ליעב. איך דארף טראכטען צו
ערציהען מיין אומגליקליך קינד וואס איך
האב עס אומזיסט אנגעהאנגען דעם ארי־
מען ר' זלמן פלייצעס וואס האט אליין
ניט פון וואנען צו לעבען דארף איך ניט
טראכטען וועגען זיך. — איך לעב ניט
פאר זיך איך לעב פאר מיין קינד! לאז
זיין מיט מיר וואס עס וויל זיך, איך וועל
זיך פון דער שטעלע ניט אבזאגען. איך
וועל שוין ניט אנטלויפען ווי א נארר. עס
וועט פון מיר גאר ניט אבנעקיסען ווערען,
חוה־איז גערעכט!

לאה איז ווייטער געבליבען אויף דער
שטעלע. אלע זענען ווייטער געווען מיט
איהר צופרידען און נאך מעהר איהר בעל
הבית ווען ער האט געזעהן ווי די פרא־
ווינציאלקע האט זיך אויפגעהערט שרע־
קען פאר איהם.

* * *

אין א קליינער צייט ארום האט פלור־
צים לאה'ס באלעבאסטע געשוקט רופען
"די פליישיגע" אז זי זאל באלד און גיך
קומען צו איהר.

זי האט געחאפט אויף זיך ווי אזוי עס
איז דעם שאל און דעם גאנצען וועג גע־
ענדיג האט זי ניט אויפגעהערט צו באר־
מאטשען אונטער דער נאז:

— אט א שלאק, אט א צרה, זי קען
זיך נאר אויף קיין ארט ניט איינהאלטען.
איך האב נאר פון איהר צרות, וואס פאר
א מעקלערין בין איך, קען מען אויפמיר

זאגען ווען איך גיב צו באלעבאסטעס אזוי
נע דיענסטען? — זי האט זיך שוין גע־
מוזט ווייטער אבזאגען.

ווען זי האט איבערגעטרעטען די באר
לעבאסטעס שוועל האט זי באלד געזאגט:
— איך ווייס שוין, איך ווייס שוין,
מיין ליעבע, וואס איהר האט מיך געשיקט
רופען, זי האט זיך שוין געמוזט ווייטער
אבזאגען, אזא שלאק, אזא צרה, זי קען
זיך נאר אויף קיין ארט ניט איינהאלטען.
איך ווייס? איך האב גערעכענט אז ביי
אייך וועט זי זיך האלטען גלויבט מיר אז
איך בין ניט שולדיג. נאר אויף מיר א
באשה, הונדערט פאר איינער. איך וועל
אייך געבען צעהן בעסערע, וואס קען איך
טאן אז זי איז אוועקגעגאנגען.

— איך האב זי ארויסגעטריבען ווי א
הונד ניט זי איז אוועקגעגאנגען, האט די
באלעבאסטע געזאגט מיט גרויס כעס און
ארויינגערופען די פליישיגע אין א צימער
וואו קיינער איז ניט געווען. ערשט דא
האט זיך די באלעבאסטע ארויפגעווארפען
אויף דער אומגליקליכע פליישיגע.

— וואס איז? איהר האט ניט גע־
וואוסט אז ביי מיר איז א ארענטליך הויז
און איהר האט מיר געגעבען אזא איס־
געאלסענע, אזא נידריגע זאך, זי זאל נאך
מייען האבען מיט מיין מאן געשעפטען.

— איך גלויב עס ניט אויף איהר. זי
איז דאכט זיך אזא שטיל עהרליך מיידעל
נאר וואס פון א קליין שטעדטעל אנגעקו־
מען, זי קען דאכט זיך הייך קיין צוויי
ווערטער ניט רעדען.

— וואס דערצעהלט איהר מעשות.
אזא שטילינקע, אזא ארענטליכע. אז איך
האב אליין געזעהן — אט די אייערע שטי
לינקע זענען שטענדיג אזוי.

די באלעבאסטע מיט דער פליישיגע
האבען זיך געענען דעם נאך א סך איבערגע־
שמועסט און עס האט זיך געענדיגט דער־
מיט, אז די פליישיג האט איהר געגעבען
א נייע דיענסט אויף לאה'ס ארט, און
פארשטעהט זיך שוין ניט אזא שעהנע יונ־
גע דיענסט ווי לאה איז געווען. דאס האט
שוין די פליישיגע פון א סך פראקטיקע
פארשטאנען אז אין אזא ארענטליכער הויז
וואו עס געפינט זיך אזא ארענטליכער בעל
הבית דארף מען אריינגעבען איין, אנדער
מין דיענסט.


ווילט איהר
סיוועץ
30 פראצ.?
ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום
יאנס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס
וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

דר.
ה. סטאריקאף
ד ע נ ט י ס ט
רע ...פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע
פרייזען.
400 הייסטינגס סטריט

די מאדערנסטע הייל מעטהאדען פאר פליכעוואטע
איז עס מעגליך אז האר זאל וואקסען אויף א פליך?
דאס איז די אייביגע פראגע
אפילו די מאנופעקטשורערס פון די בעסטע אדווערטייזטע היילמיטלען פאר האר
וואקסען, זאגען, דאס די ווארצלען פון די האר זיינען טויט, ווען די מיטלען זייע־
רע ברייננען ניט דעם געוואונשטען רעזולטאט. עס איז נאר דא איין מיטעל ווי אזוי
צו מאכען אז האר זאלען וואקסען אויף א פליכעוואטען קאפ און דאס איז:
הײלט זיך מיט דער נאטור
גרין'ס רעצעפטען וועלכע זיינען געמאכט פון נאטירליכע גראזען און אנדע־
רע נאטור־זאכען זיינען אזוי ווירקזאם פאר האר וואקסען ווי די מוטער־נאטור
זעלבסט. עטליכע באהאנדלונגען וועלען אייך איבערצייגען ווי גוט עס ווירקט
גרין'ס מיטעל פאר פליכעוואטע, פאר די ביי וועלכע די האר פאלט אויס און ווי
אויך פאר קאפ שמערצען.
S. Green
769 בוביען סטריט — דעטראיט, מיש.

יעדער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

דזשולערי סייל
אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און
גאלד געפילטע
זייגערס
מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.
רינגען
גאלדענע בראוטשעס מיט אמתע קעמיאס. ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף
אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע
קדושין רינגלאך
גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען
The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעווייטער.

C. W. Kotcher
Lumber Co.
ברענגט אלערליי צו יעדער צייט
ביליגע פרייזען און גוטע
בעהאנדלונג דאס איז
אונזער סוקסעס
Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.
Melrose 3390

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר
אלערליי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

נין יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשעקעטס
פורנישינג, העמדס, יאנג מענס
און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע
סיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין. פראפ.

פארלאנגט אגענטען סוב־
סקרייבער פאר'ן „וועג". ליבע־
ראלע קאמישאנס געצאלט.
קענען מאכען 100 דאלאר א
וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג".

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס
פורנישינגס, נייע גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 3595 דאבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט אש און גאר־
בעדזש, סעמענט רעספעקטיקעלס, ווייל
פון 1־טען מארטש ווערט דער פרייז געהע־
כערט!
ווארט ניט ביז די באארד או
העלט וועט אייך באדערען.

JUDGE GAINEY

HAVANA CIGARS
NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דייאמאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

אכט פעמילי פריים $30,000
5 רומס און בעטה יעדער אוק פיניש,
סטים היט. שעהנער געגענד אויף דער
וועסט סייד. איינגאהמע $4,200. צאהלען
מאנאטליך $175. קעש $6,500. פרעגען
316 מעקגראו עוו.
7)

גרויסער גליק
צו פארקויפען א בייקערי שאפ אויך
דעם בילדינג — פינף פעמילי פלעט און
דריי גודס סטאר, פרעגען: מר. קאשי־
נעווסקי, 1270 קעמפבעל עוו. איסט 8)

3 צימערען צו פארענטען פון א
קאטעדזש אין אקלאנד ביי א קאפעל —
גוט נאר פאר יונגע לייט מיט איינענע
פארניטשור. נאכפרעגען: בורשטיין,
373 סט. ענטויין. טשערי 4098 דזשי.

א שניידער פארלאנגט סטעדי ארבייט
פאר אלטערייישאנס 40 דאלאר א וואך
פרעגען אין דעניעלס פלייס, 196
פיורסט סטריט, קאר. מישיגען.

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד
של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער
מענש וועט קריגען גוט באצאלט, זיך
ווענדען צום סופעראינטענדענט מר.
איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנ־
צע וואך.

האלס
צו פארענטען, אין אידישען אר־
בייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־
טערארישע אווענטען קאנצער־
טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט
די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

בארגיינס אין הייזער
—::—::—
א הויז צו פארקויפען אין 165 וועסט־
מינסטער. 10 רומס, 3 אויטאמאביל גאר־
ראדזשען. דער לאט פארנעהמט 50 ביי
125 פוס. האט אלע אימפראוומענטס
פרייז 14 טויזענד דאלער. קעש פיער
טויזענד דאלער.
פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן
העמלאק 2690.

א הויז צו פארקויפען אין מארסטאן
נעבען דזשאן אר. 11 רומס, מיט אלע
אימפראוומענטס. דער לאט 65 פוס. קעש
3,500 דאלאר.
פרעגען אין 1053 אקלאנד. טעלעפאן
העמלאק 2690

אינטעליגענטען

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

— מערדער, דו ביסט געוועזן מיין [..]נדער! האסט מיך געקוילעט און ניט [..]רקוילעט.

ער זאל עפעס ענטפערן, זי בערוהיגען, [..]ר ער קען מיט קיין אבער גישט רוהרע, [..]ט דעם מויל ניט באוועגען.

אניוטא כאפט דאס קינד און שליי[..]נרט דאס צו איהם.

— דאס איז דיינס, דיינס, דו ווייסט [..]אס און נעהם דאס דיר אפ. דו זאלסט [..]אס האבען אויף עביג. איך וויל דאס [..]ט, איך דארף דאס ניט. — איך קען [..] פאר גים זארגען.

דער טומעל און דאס פרעהריכער גע[..]גטע האט זיך ביסלעכווייז איינגע[..]טילט. די געסט זענען זיך אויף זייער [..]טייגער צעגאנגען אין באזונדערע פער[..]אטענע צימערען און אהיים.

די גרעפין איז איינגעשלאפען לעבע[..]על'ן אויף דער ערד און בעלל האט זיך [..]יפגעזעצט, אין דער ליולקע וועלכע ער [..]אט קוים געקענט איינהאלטען מיט זיי[..]ע שוואכע הענד איז מעהר ניט געבלי[..]ען ווי א ביסעל גרויעס אש, אלע ביל[..]ער, די זיסע און שעהנע זיינען געווען [..]אראיבער און פערגעסען; געדריקט אויף [..]יינע שוואכע נערווען האבען נור די לעצ[..]ע. די שוידערליכע. די גרעפין האט זיך [..]ויפגעכאפט, זי האט מיט פארשלאפענע [..]ויגען געקוקט אויף דעם מאן וואס איז [..]עזעסען ווילד און צוטראגען. וועלכער האט נאך ניט פארדעכטיגט, אז זי האט באשווינדעלט זיין פאנטאזיע.

קאפיטעל כ'

דער ביטערער אמת

בעל לאיז געלעגען און האט אנגעפיהרט א קאמפף מיט זיך אליין. דער געדאנק האט איהם דיקטירט אז ער זאל יעצט אויפשטעהן און פארלאזען דאס הויז און אפשניידען אלע פארבינדונגען דערמיט.

— איך האב אניוטא'ן פארשפראכען צו שרייבען או זאיך האב דאס נאך ביז איצט ניט געטאן — האט ער געטראכט — נור דערפאר וועל איך שוין געפינען א תירוץ. — איך האב איהר אבער פארשפראכען אז אין א וואך ארום וועל איך צוריקקומען. די וואך ענדיגט זיך שוין באלד — האט ער ווייטער געטראכט — וואס איז היינט? האט ער ביי דער גרעפין א פרעג געטאן. ער האט אפילו געדענקט וואס פאר א טאג דאס איז.

— היינט איז פרייטאג, מארגען איז שוין שבת!

— און זונטאג נאטירליך, וועסטו געהן מיט דעם גראף אין קירכע, הא? — האט ער זיך געוויצעלט וועלענדיג אפציהען דער גרעפין'ס אויפמערקזאמקייט פון זיינע צעטראגענע געדאנקען.

— איך געה ניט מעהר אין קירכע. — האט זי א זאג געגעבען בייז אויף איהם, מיט פארוואורף פאר וואס ער לאכט פון איהר.

— דו דארפסט פון מיר ניט לאכען און מיך ניט האלטען אזוי דום. אין דער קירכע טרעפט מען פראפעסארען אויך און וויסענשאפטסלייט.

— ביזט אלזא ענטשלאסען אפצוברעכען מיט דער קירכע? — האט ער זי ערנסט א פרעג געטאן.

— גאנץ געוויס. און מיט מיין גראף איך וויל דיינע זיין!

ער האט געקוקט אויף איהר. זי איז געווען זעהר ערנסט.

— פערשפרעך אז דו וועסט מעהר ניט טרינקען אזוי פיעל און ניט רויכערען קיין אפיום און איך וועל זיין אין גאנצען דיינע אויף עביג! — האט זי מיט טרערע[..]רע אין די אויגען איהם א זאג געגעבען און האט ארומגענומען זיין האלז מיט ביידע הענד און האט איהם לאנג, לאנג געקושט.

— פארוואס עפעס ווילסטו ניט, איך זאל טרינקען? — האט ער זי איבערגע[..]געט.

— ווייל דו קענסט זיך אמאל איבערטרינקען און דאן וועסטו מיך אויך שלאגען, פונקט ווי דער גראף, בעת ער שיכורט זיך איבער.

— ניין, דאס וועל איך קיינמאל ניט טאן — האט ער זי פארזיכערט.

— וועסטו מיך שטארק ליעב האבען?

— איך וויל דאס דיר ניט פארשפרעכען. מעגליך אז איך וועל אינגאנצען מעהר ניט קומען צו דיר.

זי האט זיך צעוויינט.

— ביזט דאך אלזא ניט בעסער ווי אלע מענער, האסט זיך שוין צופרידענגעשטעלט מיט מיר און דו וועסט שוין מעהר ניט צוריקקומען צו מיר.

זי האט געקוקט אויף איהם מיט פארצווייפלונג — איך האב דאך דיך אמת ליעב. דו ווייסט גאר ניט, וואס איך וואלט געווען פעהיג צו טאן פאר דיר.

— נו זיי רוהיג, איך וועל צוריקקומען צו דיר! — האט ער געשמייכעלט, און איז געווען צופרידען, וואס זי האט זיך ...ווי משוגע פארליעבט אין איהם.

— אבער אויך איך דארף נאך איין [..]אל אוועקגעהן! — האט ער איהר א זאג געגעבען.

— איך האב זעהר פיעל זאכען צו [..]נגען אין ארדנונג.

— האסט א פרוי? — האט זי פאר[..]עכטיגט איהם א פרעג געטאן.

— איך האב זעהר פיעל זאכען צו [..]ענגען אין ארדנונג.

— נור מיט איהר וואהן איך שוין [..]ט א לאנגע צייט.

— וואס זשע דען האלט דיך אפ — [..]אט זי ווידער געפרעגט.

— א געליעבטע! — האט ער געענטפערט.

זי האט איהם אנגעהויבען מאכען ארוויירפע.

— דו האסט א געליעבטע און דו קומסט אהער פארברענגען. איז דאס ניט [..]ענדליך?

— דאס וואנגעלום מאראל! — האט [..]ר שפאטיש געקוקט אויף איהר.

זי האט געשוויגען. אין א ווייל ארום [..]אט זי א פרעג געטאן:

— ווער פון אונז ביידען איז שעהנער? דיין געליעבטע דארטען אדער איך [..]א?

— עס קען זיין אז דו ביזט שעהנער, אבער דאס איז מעגליך, אז איך זאל זיך צו יענער אומקעהרען.

— ווארום?

— דאס קען איך ניט ערקלעהרען —

— ווען דו עסט מעהר ניט קומען, וועל איך וויסען אז יענע איז שעהנער [..]ר מיר. — האט זי געזיפצט.

— וועסטו צוריקקעהרען צו דיין [..]אה?

— ניין, דאס ניט, איהם וועל איך [..]יין מעהר ניט קענען ליעב האבען! — [..]אט זי זיך צעוויינט.

— נו, זיי רוהיג, גיב מיר א קוש. [..]יך וועל צוריקקומען צו דיר! און ער [..]אט איהר אויסגעווישט די אויגען מיט זיין האנדטיכעל.

— גיב מיר דיין אדרעס — האט זי [..]יך ביי איהם געבעטען. נאכדעם ווי זי [..]אט זיך אנגעטאן און איז געווען פערטיג [..] פארלאזען דעם צימער.

ער האט איהר דערלאנגט א געדרוקטע קארטעל מיט זיין נאמען און אדרעס.

— דו ביסט אלזא א מוזיקער, ווי [..]עהן — האט זי אויסגערופען — איך וועל קומען צו דיר, — ווען קען מען דיך טרעפען?

— דאס קען איך יעצט ניט וויסען, אבער איך וועל קומען. אויב דו וועסט אזוי גיך ניט צוריקקומען, דאן וועל איך געהן אויסגעפינען, וואס דו מאכסט.

זי האט איהם דערלאנגט א פאטאגראפישע בילד, אונטערגעשריעבען מיט די ווערטער: — גרעפין מאריא.

ער האט זיך געוויצעלט — הייליגע מאריא.

— דו זאלסט ניט שפעטען פון מיר, [..]עה. איך האב דאך דיך אזוי ליעב.

— ווילסט נאך אביסעל געלד? —

— ניין, איך וועל ניט נעהמען ביי דיר קיין געלד, סיידען, ווען דו וועסט ווידער צוריקקומען. זי האט איהם שטארק און ליידענשאפטליך אנגעקושט און ער איז ארויס.

עס איז געווען א נאכמיטאג. די זון האט העל געלויכטען און ער האט שפאציערט איבער'ן טראטואר און ער האט ניט געקענט פארטראגען דעם גא[..]ען טומעל פון די פערד און קארעטען.

— דא איז די אמת'ע אונטערוועלט — האט ער געמורמעלט. א וועלט פון [..]וסטע יאגעניש, אהן שום ציעל, אהן א ברעקעל באפריעדיגונג. ער איז געגאנגען אהיים.

דריי בריעף האט ער געפונען אין דעם בריעפקאסטען. אלע זענען געווען פון אניטא'ן.

— צום טייוועל מיט דעם אלעמען! — האט ער ווילד געברומט — יענע לאזט ניט רוהען קיין איין טאג. און ער האט אנגעהויבען דענקען, וואס שנעלער מיט איהר אלע פארבינדונגען איבערצורייסען.

— דעם אמת. איך וועל קומען און איהר דערצעהלען דעם אמת, זאל זי טאן וואס זי פארשטעהט. —

ער האט נאך אפגעוואשען, זיך איי[..]געטאן און איז אוועק צו אניוטא'ן.

זי האט איהם אויפגענומען זעהר קאלט.

— האסט ווידער דיין פארשפרעכען ניט געהאלטען, ווארום האסטו פארט גאר ניט געשריעבען?

ער האט געשוויגען. האט נור אריינ[..]עקוקט צו איהר אין געזיכט אריין און ער האט געוואלט לעזען איהרע

ליער, א גן עדן ליער, וואס האט אי באַרוהיגט, אי געדייצט. אין דעם דאזיגען ליער האט ער זיך איינגעטראכט טיעף, ווי ער וואלט וועלען, עס זאל אויף עביג בלייבען אייגעקריצט אין זיין זכרון און באלד נאך אפאלאן איז ארויסגעשוואומען באקכוס, דער גאט פון וויין און א נאלדערנעם באקאל, געזעצט מיט געשליפענע בריליאנטען, האט ער איהם געבראכט בלוט־רויטען וויין.

דער וויין איז געווען זעהר היים, נור ווען ער האט איהם געטרונקען האט ער געפיהלט ווי ער ליטערט און קיהלט אב און ווירקט אזוי געמיטהליך אויף די נערוועז, נור דערנאך איז ער בערוישט געווארען, וועגען די גריכישע געטטין פון שעהנהייט און גראציע איז פאר איהם ערשיענען מיט איהר גאנצער צויבערליכער געשטאלט.

— נור מיך זאלסטו ליעבען, נור מיך, קיין שעהנערע פרוי פון מיר האבען אפילו די געטטער ניט געקענט בעשאפען! — האט זי צו איהם געוואונקען.

נור אט האט זיך דאס פייער אין זיין ליולקע אנגעהויבען לעשען, די אלע געשטאלטען האבען זיך אנגעהויבען אפרוקען אלץ ווייטער און ווייטער. דאס גאנצע בילד איז גיך מיט איינמאל אפגעשטארבען און אין קאפ האט ער דערפיהלט ווי א שווערע ימשא וואלט אויף איהם ארויפגעפאלען, און ער ראנגעלט זיך, ראנגעלט זיך מיט די לעצטע קרעפטען, ביז ער פאלט אין אונמאכט.

יעצט זעהט ער ישרעקענס בילדער, פון רעמאנישער געשטאלט.

א טיעפע פינסטערע גרוב און ער קוקט מיט אויסגעשטרעקטע אויגען און זוכט ערגיץ א ליכטיגען שטראהל.

געראנקען.

— דו האסט ניט דאס מיטרעסטע ויינגזעהן מיט מיר! — האט זי א בייזע [..] איהם געזאגט. — דיך ארט גאר ניט [..]אר מיינע ליידען, דארפסט דאס מיר [..]אגען און ענדע.

זי האט שטיל געוויינט.

— בערוהיג זיך אניוטא! — האט אנגעהויבען. ער האט זיך געוואלט פארענטפערען.

— ניין! דאס וועט ניט טויגען! — [..]אט ער ווייטער געקלערט — זי פיהלט [..]ין במילא, אז איך בין צו איהר ניט [..]געבונדען, איך וועל איהר אלזא בעסער [..]געבען. אז זי האט רעכט און זאל עס [..]ך פאסירען וואס עס וועט פאסירען.

די אָרימע מיליאָנערסקע מיידעל

ראזע שווייבערג איז געווען א בוכהאלטערין און סטענאגראפין, וואס האט געארבייט פאר 25 דאלאר א וואך אין א האלסייל לעדער געשעפט אין שיקאגא.

דאס איז געווען ביי טאג. ביי נאכט איז זי געווען מאנדרא ראזא, אן אריסטאקראטקע מיט א פראכטפולער וואוינונג אין שיקאגא מיט אן אייגענעם אויטאמאביל, מיט א רייט פערד און מיט צוויי דיענער.

פון וואנען האט זי גענומען געלד אויף דיזע אלע לוקסוסען? אט דאס האט מען שפעטער ערפאהרען — דורך א צופאל.

זיען ניט דער צופאל וואלט ראזע געקענט שפיעלען איהר דאפעלטע ראלע ווער ווייס ווי לאנג.

אין דעם געשעפט וואו ראזע האט געארבייט האט מען איהר געהאלטען פאר [..]עהר א פלייסיגע ארבייטערין, אן ארענטליכע און א שטילע. איהרע בעלי בתים האבען געוואוסט אז זי איז אן ארימע מיידעל און אז איהר מוטער ארבייט אין א פייפער באקס פעקטארי, ווארים וואס איז היינטיגע צייטען 25 דאלאר א וואך א[..] א מיידעל וואס דארף זיך קליידען און אויסגעהן ווי א שטיקעל מענש, א ליידי?

ראזע האט אבער ניט געוואוינט ביי איהר מוטער.

די גאנצע 25 דאלער וואס זי פלעגט באקומען אלס געהאלט פלעגט זי אפגעבען איהר מוטער. זי אליין האט עס ניט געדארפט. ווארום ראזע האט קיין געלד ניט געדארפט. דאס איז ערקלעהרט געווארען שפעטער ווען אין דער קאסע פון דעם גרויסען לעדער געשעפט אין וועלכען זי האט געארבייט האבען אנגעהויבען צו פעהלען גרויסע סומען געלד.

נאר וועגען דעם שפעטער.

ניט עטליכע יאהר צוריק האט זיך אין דעם אריסטאקראטישען טייל פון שיקאגא צווישען די נארט סייד מיליאנערען באוויזען א יונגע מיידעל מיט פיינע מאניערען, מיט שעהנע עלעגאנטע קליידער און דזשוילערי, און מיט דעם קלינגענדען נאמען מאנדרא ראזא. אלע האבען איהר גלייך אנגענומען פאר א רייכע מיידעל א מיליאנערשע, אדער א מיליאנערס א טאכטער. מען האט איהר גענומען מקרב זיין און איינלאדען, און איינמאל ווען מאנדרא ראזא האט זיך באוויזען ביים נארטה שאר, אויף א ספעציעלען ארט וואו די רייכע שיקאגאר אריסטאקראטען פאהרען זיך דורך רייטענדיג אויף זייערע פערדלעך, האט מען איהר איינגעלאדען צו ווערען א מיטגליעד פון א רייטער קלוב צו וועלכען עס געהערען די גרעסטע מיוחסים פון דר שיקאגאר געלד אריסטאקראטיע.

אין איהר וואוינונג אויף וויגטראפ עוועניו האט די אריסטאקראטקע וואס פלעגט ארבייטען בייטאג פאר 25 דאלאר א וואך, געלעבט ווי א גרעפין. א מאן וואס האט געארבייט ביי איהר אלס שאפיר און וואס פלעגט אויך אויפפאסען אויף איהר פערדעל, האט באקומען 40 דאלאר א וואך און א דיענער ניט וועניגער ווי 30. און פון דעסטוועגען, כאטש ראזא האט באלוין געצאהלט גרויסע ווייזשעס צו איהרע דיענער, האט זי דאך ביי איהרע באסעס קיין רייז ניט געבעטען.

גאנץ אפט פלעגט מאנדרא ראזא געבען פארטים ביי זיך צו הויז און עס פלעגען קומען די בלומען פון די שיקאגאר ריכע בענסטער, יונגע לייט, קינדער פון מיליאנערען, האבען זיך צו ראזאן געשרבנ'ט און קיינעם איז גאר ניט איינגעפאלען אז זי איז אן ארימע בוכהאלטערין און אז איהר מוטער ארבייט אין א פעקטארי. דען כאטש ראזא איז שוין געווען ניט קיין יונגע מיידעל, 27 יאהר אלט, האט זי אויסגעזעהן א סך אינגער פון איהרע יאהרען. דערצו האט זי געוואוסט ווי צו קלייהען זיך מיט געשמאק און זיך מאכען אנציהענד און דייצענד און איהרע מאניערען און איהר געשפרעך.

אזוי איז דאס אנגעגאנגען עטליכע יאהר. אין דעם האלסייל לעדער געשעפט וואו ראזע שווייבערג האט געארבייט ביי טאג האט מען איהר געקענט נאר א פלייסיגע, ביז נעם־פעהיגע מיידעל וואס זוכט צו פאהל יענען און עהרליכען שטיקעל ברויט און העלפען אן ארימע מוטער.

אין וויגטראפ עוועניו וואו מאנדרא ראזא האט אנגעזאלטען א רייכע וואוינונג מיט דיענער, אן אויטאמאביל, א רייט פערד און אלע לוקסוסען, האט מען איהר געקענט אלס רייכע אריסטאקראטקע וואס איז שטארק פאפולער אין די הויכע קרייזען.

דער סוד איז ארויס דורך א צופאל. בעלי בתים ביי וועמען „מאנדרא ראזא' האט געארבייט האבען איינמאל זיך גע[..]עפט אז א טשעק וואס זיי האבען ארויסגעגעבען אויף 175 דאלאר איז דורך א [..]עלשונג געהעכערט געווארען אויף 1.975 דאלאר.

זיי האבען גענומען נאכזוכען און האבען געפונען, אז די ביכער וואס זייער ארטרויטע בוכהאלטערין פיהרט, זיינען עפעס ניט אין ארדנונג. עס האבען אנגעהויבען זיך ארויסצעווייזען גנבות אויף א סומע פון איבער 10 טויזענד דאלאר און מען האט געזוכט ווייטער.

ענד'ע יאנואר איז ראזא פלוצלונג פארשוואונדען געווארען או [..]איז ווי אין וואס[..]ער אריינגעפאלען. איהר מוטער וועלכע וואוינט אין אן ארימער וואוינונג אויף לעווים סטריט האט ניט געוואוסט פון וואס צו זאגען. זי האט גאר ניט געקענט גלויבען אז איהר טאכטער איז א גנב'טע.

— מיין טאכטער א גנב'טע? — האט די מוטער געזאגט — וואס רעדט איהר? ווי קאן דאס זיין? זייט זי איז געווארען 12 יאהר ארבייט זי פאר איהר שטיקעל ברויט. זי איז די גאנצע צייט אויף איין פלאץ און זי איז דארט ווי א גאנצער מענעדזשער. איך האב פיעלע מאל געהערט, אז די בעלי בתים זיינען פון איהר העכסט צופרידען און זיי האלטען פון איהר זעהר און זעהר, און יעצט זאגען זיי אז מיין טאכטער האט זיי באגנב'ט. וועה איז מיר — וועה איז דער מאמען — אזא אומגליק.

רעטעקטיווס האבען געזוכט די ארימע אריסטאקראטקע אין גאנץ יונייטעד סטייטס, אבער זי איז ניט געווען צו געפינען. פלוצלונג קומט אן פון ראזאן א טעלעגראמע פון קענעדע צו איהרע בעלי בתים, אז האט דארט חתונה געהאט.

די בעלי בתים האבען אנשטאט א חתונה פרעזענט איהר ארא[..]געשיקט צוויי רעטעקטיווס מיט אויסליפערונגס פאפירען.

ווי עס שיינט איז ראזאס חתן ניט קיין געוועהנליכער, ניט קיין פראסטער חי וקים, נאר טאקי איינער פון די ארים סטאקראטען און וועמעס קרייזען זי האט זיך ארומגעדרעהט. עס איז גאר קיין צווייפעל ניט אז ראזא האט גענומען בא פען א רייכען חתן. אבער דערווייל ווערט זיין נאמען געהאלטען אין געהיים

עס ציינט זיך יעצט ארויס, אז רא זע'ס גנבות באטרעפען מעהר ווי 0.000, דאלאר. אקאונטענטס ארבייטען יעצט אויף די ביכער אויסצוגעפינען די גענויע סומע וואס זי האט אנגעגנב'עט.

ביטער איז א מוטער וואס זעהט אזא סוף פון איהר טאכטער, אבער גיט וועד

ניגער פארצווייפעלט זיינען די שיקאגאר אריסטאקראטען וואס האבען פאר איינינע יאהר זיך געלאזט בלאפען פון דער געשיקטער גנב'טע און האבען איהר אריינגענומען אין זייערע קלובען, איינגעלאדען אין זייערע פאלאסטען, געטאנצט מיט איהר אויף זייערע בעלער און אנטייל גענומען אין איהרע ארפטיס. חושך טוט זיך דארט יעצט אפ אין די הויכע פענסטער! מאנדרא ראזא איז ניט מעהר ווי א ראזא/שוויבערג, א מיידעל פון שיקאַגאר ארימען קווארטאל, וואו די רייכע געהען אמאל ארויס „סלאמען" צו באַפרידיגען זייער נייגעריגקייט.

אויב ס'איז אמת.

מ'זאגט, אז דער נייער סעקרעטארי און סטייטס, מר. קאלבי, איז א ראדיקאל און ער איז געגען ענגלאנד.

אוב ער איז א ראדיקאל איז עס נאטירליך, אז ער זאל זיין געגען אן ענג־לאנד. אן אמת'ער ראדיקאל מוז זיין דערפאר אז דאס לאנד זאל זיין ברייט און פריי פאר אלעמען, אהן אונטערשייד פון איבערצייגונג.

מאשען-פיקטשור אפרייטארס

לערענט זיך פאר

לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע ווירדשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

7:30 אבענד.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

[..]ענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע ליינס:

זאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע [..]ענשי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, סוימענס; טייבעל קאווערס; שעמס אי־סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ[..] [..] אנדערוועהר און קארסעטס. מענ[..] פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל

א גרויסער אסארטמענט אין קינדער[..]אר מענער און ב[..]יס סוטס און קאוטס א קאמפליט ליין פון טיילאר און רעדי [..]ייקערס טרימינגס.

לעבעוויצער לאנדסלייט און אומגעגענד

דער לעצטער מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אבענד, 2טען מארטש, האט געמאכט א גוטען אנפאנג. 725 דאלאר איז ביי דיזען מיטינג געזאמעלט געווארען. אבער פריינדע, לאנדסלייט, דיזע סומע איז ווי א טראפען אין ים. זעהר פיעל איז נויטיג צו ראטעווען די ליידענדע פון אונטערנאנג.

מיר בעטען, מיר רופען יעדען לעבעוויטשער צו קומען דיזען

מיטוואך אווענד 10טען מארטש

אין ווילקינס סט. תלמוד תורה

ווילקינס בעט. הייסטינגס און ענטווין

אונזער לאנדסמאן, מר. לאס וועט ספעציעל קומען צו דיזען מיטינג אויף זיין רייזע פון שיקאגא צוריק נאך נויארק.

קיין איינער טאהר ניט פעהלען!

מיט אכטונג, **די קאמיטע.**

ד. ראבינסאן

פ. ראבינסאן

ד. זעליג

ח. גרינבערג 6

ט. אירעלסאהן, סעקרעטער.

האר פארלאנט

וועל צאהלען די העכסטע פרייזען און קעש פאר אלטע אויטאמאביל אדער מעטרעס האר אינגרויסע אדער קלענערע לאטס

ס. ק. ארמסטאן

238 אוואלאן עוועניו

העמלאק 6671־אר

יוזט פאלם-אלא

פאר'ן מאגען א רפואה פאר'ן פאקעט א ישועה

פאלם-אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאקנאטס און פינאטס אויל, און אנדערע נאטור רייכע וועדזשעטייבעלס און קען געיוזט ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די ווירטענשאפטליכע מעטהאדען און סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט-פרוף סאניטארע פאקסעס.

פאלם-אלא איז אויסגעצייכענט גוט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. גיט אייערע קינדער פיעל פאלם-אלא. עס וועט זיי פיעל גוט טהאן און עס איז פיעל ביליגער ווי די אלד פעשאנד פוטער.

פאלם-אלא איז מיט זיין נאטירליכע רייכקייט און געשמאקייט ממש טעם גן עדן, און ווער עס טרייעט דאס צו יוזען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.

פאלם-אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דעטראיט פיי דער פאוואוסטער „שעד קרימערי". אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען סופלאי יעדען טאג.

געמאכט פריש יעדען טאג אין דעטראיט

גלייך פון דער פוטער פאס צו אייך.

פאלם-אלא איז כשר בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר' יוסף תאומים דפה

גראסערי לייט

עס איז פאר אייער בענעפיט איהר פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט נען, איהר דערלאנגט א פעקערזש צום זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט ניט קיין טראבעל. איהר דארפט ניט ווערקאסטימער און דאס אלעס.



לעזט דעם הכשר:

[illegible]

ר' יוסף תאומים — Rabbi of the Congregation Beth Abraham — דעטראיט מיש.

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם-אלא

S. J. Bartush **West 1407**

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50

מאנטאג, 8טער מארטש, 1920

אונזער גאסט, דער דיכטער

(פ. מ. ראסקין געווידמעט)

דער דיכטער דארף אין זיין צייט לעבען.

ער קען און זאל ארויסרוקען אין דער ווייטער און פארפאקענער צוקונפט. אבער אין דערזעלבער צייט זאל ער דעם היינט נישט פארזעהן.

דער דיכטער איז א שאפער. ער שאפט נייעס.

שאפט ער איבער דאס וואס אנדערע האבען שוין פאר איהם געזאגט, איז ער דאן קיין שאפער נישט, נאר א נאכאהמער.

און פאלט איז עס נישט גאר גוי.

וואריום אזוי גיך ווי דער קינסטלער טראגט אייך אונטער א גנייעס. קוקט מען אויף איהם מיט חשד און אין מאנכע פעלע גלייבט מען איהם נישט. וואריום ווי גרויס, ווי הויך און ערהאבען עס זאל נישט שטעהן די געטליכע מתנה, מיט וועלכער דער דיכטער איז געבענשט, איז ער נאכאלע־מען קיין גאט נישט. און חוץ א גאט קען קיינער קיין לחלוטין נייעס נישט שאפען.

די גרעסטע ערפינדער זיינען נישט פון העלער הוים ארויסגעשפרונ־גען. זיי האבען נאר פארפאלקאמט עפעס אן ארבייט.

די גרעסטע און גענאלסטע דיכטער האבען אויך גארנישט געשאפען. נאר איבערגעדיכטעט דאס פון וואס א מענשליכער געדאנק האט שוין גע־טראכט.

נישט איין מאל לייענט איהר א געדיכט און איהר ווערט נתפעל פון דעם. דער דיכטער ווערט אייך ליעב און טייער. דאס ליעד נאהענט און חשוב. באטש אין אמת'ן האט אייך דער דאזיגער קיין נייע וועלטען נישט אויפגעדעקט.

און שפעטער נאך:

דער פאעט האט אין זיין ליעד אייך דערמאהנט אן א געפיהל, וואס איהר גופא האט אין הארצען געטראגט. אדער אן א געדאנק, מיט וועלכען אייער מח איז טרוד געווען אמאל.

און דוקא אט אין דעם איז די גבורה פון דעם געניאלען פאעט; דוקא דערפאר ווערט דער דיכטער באליעבט און געעהרט.

און דוקא דערפאר הייסט ער באשאפער:

פון די געפיהלען וואס בליצען אויף אין דעם מענשענס הארץ און ווערען ווי בליצען באלד אויסגעלאשען; פון די פייערדיגע רעיונות וואס ציטערן זיך אן און ווערען באלד פארשוואונדען פון מענשענס מח — פון אט דעם בינדט דער דיכטער איום גאלדענע קרוינען.

ער איז נישט קיין באשאפער, נאר גיבער א געפינער. ער געפינט איום יענע געפיהלען און פרעקלעך מחשבות וואס דער מענש, יעדער מענש פארליערט אין זיין טאג טעגליכען האוען און שטייען.

און ווער וואס עס געפינט.

איין פאעט געפינט די נאציאנאלע געפיהלען וואס יעדער נאציאנא־ליסט וואריעמט ביי זיך אין הארצען; א צווייטער — דעם סעקסועלען פאר־לאנג, וואס איר אייך קיינעם נישט פרעמד; איין פאעט געהט נאך זיין פאלק און זאמעלט צונויף זיינע טרעהרען, סילעיעט זיי נאכדעם, אויס איזה א גאלדען שנירעל, און א צווייטער הערט זיך צו צו די פשוט'ע בהמה'שע תאוות, וואס ברענען דאס הארץ און אויך ער אפשר מאכט פון זיי גאלדע־נע ריפסען.

ווי איינעמס השגה.

די השגה פון אונזער גאסט פ. מ. ראסקין, וועמען מיר ווידמען דיי־זען ארטיקעל, איז נאכצוגעהן זיין פאלק און צו הערען זיך צו זיינע קרעכ־צען און זיי צונויפזאמלען אין איין גאלדענער כלי.

און דערפאר מאכען זיינען זיינע לידער פאר אונז נישט אזוי ניי, ווי הארציג אמת'דיג.

אט למשל „די אידישע פרייהייט״: —

„מיר האבען גענוג שוין פאר פרעמדע געשאפען
„און זעהן שוין גוט, וואס עס איז אונזער לוין;
„מיר וועלען ניט לענגער פארבלייבען קיין שקלאפען,
„און רייך מאכען פרעמדע און בעטען אליין...

„א, צייט שוין צו ברעכען פון גלות די קייטען,
„צו שענדליכער קנעכטשאפט זאל נעהמען אן עק,
„און שטארקען און מוטיגען איינער דעם צווייטען,
„ביז וואנען מיר וועלען ערדרייכען דעם צוועק״.

דאס איז אלט. נישטא אין דעם קיין איין נייע שורה. אדער אויס־דרוק. עס וואלט שוין אפילו געקענט פארעכענט ווערען אלס א נאכ־אהמונג.

אבער ווי זאגט מאקע אליין דער דיכטער (אין דעם ליעד „או, מה היה לנו״) „ליעבע אידען! וועהט איך זיין מיט אייך צוזאמען״.

עס קען דערום שוין ניי נישט זיין.

אבער, ווי פארשיידען עס איז זיין ניגונען! די אויפגעקליבענע טרעה־רען שפילען זיך אין זיין גאלדענעם בעכער אפ אזוי פיעל פארבען, אז מאנכעס מאל זעהט אונז אויס ניי זיין דיכטען. וואריום —

„ווייגענדיג מיט אייך צוזאמען
„וויינען, ברידער, מיר פארשיידען:
„מיינע טרעהרען זיינען פלאמען
„און זיי פליסען ניט — זיי זידען.

„מיינע טרעהרען זיינען ריינער,
„טיעפער, הייליגער — מיין טרויער
„איך וויין אויף די פיעלע ווינער,
„אויף די ווענג, וועניג בויער...

און געדענקט מען נאר אז דער דיכטער פ. מ. ראסקין האט זיין פרי־הער ציטירטע ליעד („די אידישע פרייהייט״) מיט יאהרען און יאהרען צו־ריק פארפאסט און אז פיעלע אנדערע לידער אין דעם באנד זיינען מיט צעהן און מיט פופצעהן יאהר צוריק געדיכטעט געווארען, איז כאטש זיי קלינגען איצטער שוין אלט, זיינען זיי אבער אין צייט א נייעס געווען. דער אידישער געדאנק האט ערשט דעמאלט די דיזע רעיונות אנגעצונדען.

מיר וואלטען געמעגט האבען טענות צום דיכטער למאי ער האט אזעלכע אלטע לידער אין זאמלונג איינגענומען: מיר קענען אויך צו'ן איהם טענות האבען פאר שלום עליכם'ס פארערע. און איבערהויפט פאר אונטערשטרייכען די קאמפלימענטען, וואס שלום עליכם האט איהם (דעם דיכטער) געמאכט. און אפשר קען מען אויך פאר אנדערע קלייניגקייטען מתרעם זיין. איז אבער דאס פון אלס גאנצעס א באדייטענד ווערק און מיר וועלען דערום אפקומען מיט די פאר אגב אורחא'דיגע באמערקונגען.

און מוסיף זיין ווילט זיך אונז, אז דאס אידישע פאלק האט זעהר וועניג אזעלכע דיכטער, וואס זאלען איהם נאכגעהן איעדן טריט און שריט, וויינען מיט איהם צוזאמען, צוזאמען ווערען פון זיין בראך, קלאגען זיי־נע איכה'ס און זאמלען זיינע טרעהרען.

אונזער גאסט פ. מ. ראסקין איז איינער פון די וועניגע.

לייענט זיין באנד „אידישע לידער״ און איהר וועט דאס אליין דאס איינזעהן.

די פאליטישע וואך

(ספעציעל פאר'ן „וועג״)
פון ז. ק.

דער פאליטישער האריזאנט, בנוגע דער רוסישער פראגע איז נאך אלץ ניט אויס־געלייטערט. א דיקער נעבעל פארשטעלט פון דער וועלט די געשעהנישען, וועלכע קומען פאר אונטער געשלאסענע טירען ביי דער „פרעמיערען קאנפערענץ״. דארט זיצט זיך דער טריאומוויראט — לאיד דזשארדזש, מילעראן און ניטי — און דער גורל פון דער נאהענטער צוקונפט ווערט פון זיי אויסגעשמידט.

פון צייט צו צייט אבער, שלאגט דורך א בליץ דעם פאליטיש־נעבעלהאפ־טען הימעל און הערוויסט זיך — אדער ריכטיגער געזאגט, מיר שטויסען זיך אן — יע, ס'האט דער פאליטישער אראמעטער, און ריכטיג ווי ס'איז ניט תמיד ראטזאם אין גאנצען צו פארלאזען זיך אויף דעם וועטער־נביא — ווייל ניט פאראויסגעזעהענע אורזאכען און אומ־שטענדען מאכען צונישט זיינע מעטעא־רישע אויסרעכנונגען — אזוי אויך איז דער פאליטישער באראמעטער ניט שטענ־דיג דער זיכערער וועגווייזער.

און דאך, ניט האבענדיג קיינע אנדער־ע קוועלען, מוז זיך דער עולם רעכענען מיט די צייכענס, וואס ווערען צוזאמענ־געשטעלט אין דער פאליטישער אבסער־וואטאריע, אויב ניט צוליעב דער נביאות־דיגער פארשטעלונג פון דער צוקונפט, איז אלענפאלס צוליעב זייער באדייטונג.

ווי געזאגט, איז די רוסישע פראבלעם, ד. ה. די לעזונג פון דער דאזיגער פראב־לעם, דער וועלט אומבאקאנט. דעם ברייטען עולם דוכט זיך, אז איהר גורל איז גענצליך אפהענגיג פון דעם ווילקיר פון דעם טריאומוויראט; אז עס פעהלט נאר דער גוטער ווילען פון דריי־פרעמיערען, וועלכע זענען עפעס ניט שוה־בשוה'דיג מיט דער פערזענליכער צוזאמענשטעלונג פון דער סאוועטען רעגירונג, בדי די רו־סישע פראגע זאל געלעזט ווערען. אז ניט פערזענליכער ווילקיר און ניט גוטערווי־לען זענען אירגענד וועלכע שטערונגען אויף דעם וועג צו שלום מיט די באלשע־וויקעס, איז יעדען פאליטישען באאבאכ־טער באוואוסט. טיפע סאציאל עקאנא־מישע סבות זיינען די הויפט הינדערני־סען צו א פארשטענדניש מיט דער סא־וועטען רעגירונג; זיי פארלענגערען אזוי די חבלי־לידה פון דעם רוסישען שלום. אבער ניט דא, אין דעם איבערבליק איבער „דער פאליטישער וואך״, איז דער פלאץ אפצושטעלען זיך אויף דיעזע סאציאל־עקאנאמישע אורזאכען.

פון גרויסער פאליטישער באדייטונג איז דער האלב־אפיציעלער באריכט אין די פיינאנציעלע צייטונגען אז „אין פאר־לויף פון'ם באטראכטען עקאנאמישע און פינאנציעלע פראבלעמען, האט דער העכס־טער ראט דיסקוטירט די פראגע פון אנערקענען די סאוועטען רעגירונג. קיין באשטימטער באשלוס איז דערווייל ניט אנגענומען געווארען״.

דיעזע ידיעה שטעלט אוועק די רוסי־שע פראבלעם אין גאר אן אנדער פערס־פעקטיווע. זי זאגט עדות, אז די אלע תירוצים, וועלכע זענען ביז היינט־צו־טאג אנגעגעבען געווארען, נעגען שלום מיט דער רוסישער רעגירונג, זענען געווען באבייצייט פאר'ן המון; אז ניט „דע־מאקראטישע פרינציפען״ האבען פאר־עקשנ'ט די וועלט־רעגירער אין זייער בא־קעמפען דער יונגער סאציאליסטישער רעפובליק. דיעזער באריכט צייגט דייט־ליך אן, אז מ'קען שוין לענגער ניט פאר־בארגען פון דער וועלט דעם אידעאליס־טישען באנקראט, וואס די אלטע דיפלא־מאטיע האט ערליטען. כאראקטעריסטיש איז באזונדער איז אבער דער ענטוויק־לונגסגאנג פון דער אליאירטער באציהונג צו דער היינטיגער רוסלאנד; און ענטוויק־לונגסגאנג, אויף וועלכען, לויט אלע סמנים, דער איבערגערמאנטער באריכט איז דער לעצטער עטאפ. זאל זיך נאר דער לעזער דערמאהנען די ערקלעהרונגען פון די עלייעס בנוגע רוסלאנד, אנפאנגענדיג פון דעם „פרינציפיעל־אינזעל״ פארשלאג ביז היינט־צו־טאג. ווען די לאגע אויפ'ן מיליטערישען שאכברעט איז געווען גינ־סטיג פאר די אנטי־באלשעוויקעס, זענען דאן פראקלאמירט געווארען „האניבאלי־שע שבועות״ אז מיט די „רויטע רוצחים״ וועט די „ציוויליזירטע״ וועלט קיין שלום ניט מאכען. דיעזען נדר האט דאך געמאן אין נאמען פון די עלייעס דער פראנצ־ייזישער אויסערן־מיניסטער פישאן, אין דער צייט, ווען קאלטשאק האט זיך גע־ענגט באריימען, דאס ער „געהט אויף מאסקווא״. דאס האט געהייסען אז מא־ראלישער ווייטער באהערשט די וועלט־פיהר־ער.

היינט צו טאג, ווען ס'קען גאר ניט זיין קיין רייד פון אן אנטי־באלשעוויס־טישען טריאומף אויפ'ן מלחמה־פלאץ, האבען די עלייעס אנגעפאנגען צוצוגע־וועהנען די וועלט, אז שלום מיט די רו־סישע „רוצחים״ איז ניט נאר מעגליך, נאר גאר נויטווענדיג. ענטפלעקען דעם באנקראט מיט אמאל איז געווען אונמעג־ליך; האט מען אנגעפאנגען מיט אן ער־קלעהרונג פון „הומאניטאריזם״ און די „רוסישע קאאפעראטיוון״. ניט חלילה די באלשעוויקעס, — זענען געווארען די פארשטעהער פון רוסישען פאלק. ס'זענען פארביי איינגע וואכען און מ'האט אונ־טערגעטראגען דעם עולם דעם ריינעם אמת, אז דער רוסישער מארקעט איז א ברכה פאר דער וועלט, און, לכן, מוז מען פיהרען קאמערציעלע באציהונגען מיט דעם רוסישען פאלק דורך די סאוועטען, און דערביי איז בפירוש ערקלעהרט גע־ווארען, אז דיפלאמאטישע פארהעלטני־שע מיט די באלשעוויקעס זענען אונמעג־ליך, כל זמן „זיי וועלען ניט ציוויליזירט ווערען״ (לאיד דזשארדזש'עס לעצטע רעדע אין ענגלישען פארלאמענט). זענען די פיהרער פון די סאוועטען „ציוויליזירט״ געווארען פאר די לעצטע צוויי וואכען? מעגליך, אז מ'וועט אונז אזוי דערצעהלען, אבער ס'גלויבט זיך קוים דאס די באל־שעוויקעס האבען פאר אזא קורצער צייט זיך אויסגעלערנט די תורה פון דעמא־קראטיע א. ד. ג. און איצט קומט אן דער האלב אפיציעלער באריכט, אז די עלייעס דיסקוטירען, צי מ'זאל אנערקענען די באלשעוויקעס, אדער ניט, און צוזאמענ־האנג מיט דער וועלטליכער עקאנאמישער און פינאנציעלער לאגע.

צי די עלייעס וועלען באלד אנערקע־נען די איצטיגע רוסישע רעגירונג, אדער דאס אפלעגען אויף נאך איניגע מאנאטען אדער וואכען, אלענפאלס, איז באדויי־טענד דער פאקט, אז די רוסישע פראב־לעם ווערט שוין מעהר ניט באטראכט אין דעם ליכט פון מאראל, נאר פון ריין עקאנאמישען שטאנדפונקט. און באלעה־רענד איז דער פאקט אויך, אז פאליטיק איז נאר אן אויסדרוק פון סאציאל־עקא־נאמישע פארהעלטנישע.

* * *

לויט א באריכט אין א לאנדאנער צייטונג האט דער העכסטער ראט סאנקציא־נירט אן אינטערנאציאנאלע הלואה צו דייטשלאנד, ווייל עס ווערט אנערקענט דאס א רואינירטע דייטשלאנד וואלט גע־ווען געפעהרליך פאר אייראפא. און ווי די צייטונג גיט איבער, האבען די עלייעס איינגעשטימט אז די צאהלונגען אויף דיע־זער הלואה זאלען האבען דעם פארצוג איבער די צאהלונגען, וואס דייטשלאנד האט זיך מתחיב געווען פאר די קריגס־היזקות, לויט'ן ווערסאלער שלום־אפ־מאך.

אויב דיעזער באריכט איז ריכטיג, איז ער אן ערפרעהענדער צייכען, אז די עלייעס פאנגען אן אויסצוניכטערען זיך פון דער שכרות, וואס האט נאכגעפאלגט זייער זיג איבער די צענטראלע מעכטע. פאר די עקאנאמיסטען פון אונזער צייט איז געווען באלד פון אנפאנג קלאהר, אז דייטשלאנד וועט קיינמאל ניט זיין אימ־שטאנד נאכצוקומען די פינאנציעלע און עקאנאמישע פונקטען פון דעם שלום־אפ־מאך. לויט דער אייזערנער און קאלטער לאגיק, דיקטירט פון די אומשטענדען, אין וועלכע דייטשלאנד האט זיך געפונען נאך דער מלחמה, האבען פינאנציעלע עקס־פערטען פאראויסגעזאגט, אז דער שלום־אפמאך אויב ער זאל בוכשטעבליך אויס־געפיהרט ווערען, וועט ער פאראורזאכען ניט נאר דעם פאלשטענדיגען אונטע[...] פון שונא, נאר אפילו אויך דעם [...] פון אייראפא. אמקלעהרסטען הא[ט] ארויסגעזאגט פראפ. קינעס, דער [...] שטעהער פון דעם ענגלישען פי[...] מיניסטעריום ביי דער שלום־קאנפע[...] זיינע ארגומענטען זענען אונז דא [...] געווען באוואוסט, אונז איז נאר [...] באקאנט, דאס ער האט רעזיגנירט [...] זיין אמט. האט אבער פראפ. קינעס פארעפענטליכט א בוך מיט'ן נאמען [...] עקאנאמישע פאלגען פונ'ם שלום״ [...] מיר דערוויסען זיך, פארוואס [...] עקספערט האט ניט געקענט צושט[...] צו די שווערע און אונמעגליכע ב[...] גונגען, וואס זענען אויף דייטש[לאנד] ארויפגעצוואונגען געווארען.

אלעמען איז באוואוסט, אז דער [...] וועלכען די עלייעס האבען צוזאמ[ענגע]שטעלט, איז געווען באהערשט מיט [...] מאראל פון דער אמאליגער אימפ[ע]ריאליסטישער רוים. וועמענס שלאג[ווארט] איז געווען: „ווע די באזיעגטע״ [...] באשעפעניש פון'ם ווערסאלער שלום [...] דאן ניט געקענט איינזעהן דעם אק[...] אז דער עקאנאמישער בוי פון דער [...] טיגער געזעלשאפט ערלויבט ניט, [...] אין פעלקער־באציהונגען זאל נקמה [...] לען די הויפט ראלע. זיכער איז מען [...] געווען, אז די צייט און אומשטענדען [...] לען זיי צווינגען דיעזען אקסיאם [...] נעהמען.

אויב דער באריכט וועגען דער [...] שער אינטערנאציאנאלער הלואה איז [...] פאלש, דאן איז א סימן, אז די צייט [איז] שוין געקומען, ווען דער „רעוואנש״ [...] פון דעם ווערסאלער שלום פאנגט [אן] פארשווינדען. און וואס פריהער ער [...] פארשווינדען אלץ בעסער וועט עס [...] פאר דער מענשהייט.

* * *

פון קאנסטאנטינאפאל איז די טעג [...] ווען א ידיעה דאס דער מיניסטעריו[ם ...] בינעט האט רעזיגנירט און אז דער ס[ול]טאן האט איינגעלאדען מארשאל איז[עט] פאשא אלס גרויס־וויזיר. דיעזער מיני[ס]טער־קריזיס איז א דירעקטע פאלגע [פון] דעם שלום מיט טערקיי, וועלכער ווע[...] איצט אויסגעארבייט פון דעם אמבאס[...] דארען־ראט אין פאריז. די שלום באדי[...] גונגען, לויט ווי עס ווערט איבערגעגעב[ען] זענען אונ'רחמנות'דיגע: לויט דער חלוק[ה] מיט דער טערקישער טעריטאריע, וועל[...] פיער פינפטעל פון דער טערקישער ג[...] ציאן זיך געפינען אונטער'ן יאך פ[ון] פרעמדע, לאנג־יעהריג פיינדליכע פעלקע[ר] טערקיי וועט קיין פלאטץ ניט האבען.

ס'איז זעלבסט פארשטענדליך, אז ד[...] געזעלשאפטליכע מיינונג אין טערקיי אי[ז] אויפגערעגט און ס'איז קיין וואונדער ניט וואס דאס מיניסטעריום האט רעזיגנירט דער סולטאן, וויזט אויס, האט זיך גע[...] רעכענט מיט'ן פאלקס־צארן און ער האט באשטימט אלס גרויס וויזיר איזעט פא[...] שא'ן, א פיהרער פון דער נאציאנאליס־טישער באוועגונג. איזעט פאשא איז באוואוסט אלס אנקענגער פון מוסטאפא קעמאל פאשא, וועלכער קעמפט נעגען דער צוטיילונג פון טערקיי. ס'איז אבער אונבאגרייפליך, ווי אזוי איזעט פאשא וועט זיין ביכולת ווידערצושטעלען זיך דעם אייזערנעם קנאפעל, אונטער וועלכען די עלייעס האלטען די באזיעגטע טער־קיי.

* * *

מיט גרויסער פארזיכטיגקייט דארף גענומען ווערען דער באריכט פון שפא־ניען, אז אין פארטוגאל איז געגרינדעט געווארען א סאוועט רעפובליק. דיעזער

(שלום אויף פיידזש 6)

ניט ווין!

(ספעציעל פאר'ן „וועג״)
פון פ. מ. ראסקין

דיין לעצטע טרעהר און אייג דערשטיקט,
ניט וויין דעם פיינד קיין טרויער בליק,
ער זאל ניט ווילד ייערען פון גליק,
און זאגען: „ב'האב געזיגט!״

„אהא! ער וויינט, ער בעט... אזוי!
מיין שפיז, מיין מעסער טהוען וועה —
דעם איינזיג פאלק, אי יונג אי גריי —
ב'האב ענדליך איהם דערשטיקט!״

ניט וויין, ניט 'גיס קיין איינציג טרעהר,
גישא קיין הילף, קיין רעטונג מעהר;
די מענשענס הערצער זיינען לעער
ניט זיך אין ווי קיין גאט!

ניט רעד — דיין חיפען איז א זינד;
דיין רוף פארהילכען וועט דער ווינד;
די קלייסטער־וועלט איז טויב און בלינד,
איהר מיטלייד — שאנד און שפאט.

דער שונא שניידט און שענדט און שעכט
און העלע טעג, און בלייע נעכט.
די זון, די שטערען — שטומע קנעכט
ווי שווייגען אין דער הויך...

א שטראם פון בלוט אהן איבהער פליסט,
דאך די ניט וויין — עס איז אומזיסט:
די ערד איז שטום, דער הימעל וייסט:
דיין אלטער גאט שווייגט אויך...

נעהם אן א מויל מיט גיפט און גאל,
און וואו א שיין, און וואו א שטראהל
פארשפריין, פארגיפט עס איבעראל —
זאל פינסטער זיין די ערד;

און אין דער פינסטערניש ארום,
אין אומת־מות, בלינד און שטום,
זאל מיט שפאציערען אומעטום,
און בלאנקען זאל דער שווערד...

און דאן דיין גרויען קאפ הייב אויף
און שטאלץ צום הימעל קוק ארויף,
און הויך ערשאלען זאל דיין רוף:
„אה, וועלט פון האס און נייד!

דעם שפיז און שווערד האסטו געפרייבט
פאר דעם וואס האט פאר דיר געקלובט
אי ליבט אי גליק... יעצט זיי פארפלויבט
פון חושך, בלוט און טויט!...״

דעטראיטער צייטונגען וועגען דעטראיטער ענינים

(באארבייט ספעציעל פאר'ן „וועג״)
פון בן דניאל

א פארשווערונג קעגען דעם סא־ניטאריום פאר שווינדזיכטיגע

די יעניגע וואס זענען פאראינטערע־סירט אין דער אויפהאלטונג און אינטער־שטיצונג פון דעם סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע אין דעטראיט פראטעסטי־רען שטארק נעגען דעם פראיעקט וואס מען וויל דורכשניידען דעם אוקמאן בול־ווארד.

און זיי זענען גאנץ גערעכט מיט זייער פראטעסט ווייל ווען מען זאל מאכען די דאזיגע עקסטענשאן וועט מען מוזען צו־קאליעטשען דעם פלאץ ארום דעם סאני־טאריום, און דאס איז א גרויסע עולה.

די סאניטאריום פארוואלטער בא־טראכטען דעם פלאן פאר א פארשווערונג נעגען סאניטאריום, ווייל געוויסע היגע לאנד ספעקולאנטען האבען אויסגערע־כענט, אז ווען מען וועט דעם סאניטא־ריום פארטרייבען וועט דאס לאנד ארום שטייגען אין פרייז.

פארשטעהט זיך, אז דער סאניטאריום פארדיענט די פולע אונטערשטיצונג פון דער גאנצער דעטראיטער באפעלקערונג.

יעדער איינער אין דעטראיט וויס, אז דאס איז איינער פון די וויכטיגסטע אנ־שטאלטען אין שטאט, עס איז א פריוואַ־טע אונטערנעמונג וואס טראגט אבער א פאלקס כאראקטער און ווערט געשטיצט פון פרייוויליגע בייטרעגע, און ראטעוועט יעהרליך מאסען מענשען פון א פריהצייטי־גען קבר.

דער סאניטאריום איז אין דער לאגע צו ראטעווען נייניציג פראצענט פון די קינדער וואס קומען אונטער זיין דאך, און היינט צו טאג געפינען זיך אין סאניטא־ריום קנאפע צוויי הונדערט פאציענטען, חוץ די הונדערטער וואס ווארטען, עס זאל ווערען פלאץ פאר זיי.

עס איז אלעס גערעכנט געווארען אז היינט צו טאג פארמאגט דעטראיט צוועלף הונדערט מענשען וואס וואלטען געדארפט ליגען אין א שווינדזוכט סאניטאריום, און אויב זיי ליגען ניט, איז עס פשוט, ווייל עס איז פאר זיי קיין פלאץ ניטא.

דער נייער נארטוויל סאניטאריום וואס ווערט איצט פארטיג וועט אריינגע־מען דריי הונדערט פאציענטען, אבער

דעם איצטיגען סאניטאריום וועט מען נאך אלץ דארפען. דעריבער, אידער מען עפענט די גאס זאלען זיך גוט צו־הערען צו דעם פראטעסט פון די סאניטא־ריום פארוואלטער.

די הערערן וואס טענה'ן אז זייער לאנד קען ניט שטייגען דערפאר, ווייל אין דער נאכבארשאפט געפינט זיך א שווינד־זוכט שפיטאל זענען די לעצטע וועמען מיר דארפען זיך צוהערען.

ערשטענס האבען זיי געהאט אפענע אויגען, ווען זיי האבען דארטען געקויפט לאנד און האבען געמעגט האבען א ברירה ניט צו קויפען. צווייטענס איז דער שטאַ־טישער מענש נאך אויך גענוג ציוויליזירט צו שענקען אביסעל מיטגעפיהל פאר זיין ברודער דעם שטאט מענשען, וואס איז אנגעשטעקט געווארען מיט דער קראנק־הייט טאקע נאר א דאנק דער פארשטיק־טער לופט פון דער גרויסער שטאט.

ווער קימערט זיך פאר א רייכען בוי־טעל, ווען עס האנדעלט זיך צו ראטעווען יונגע לעבענס פון דער ווייסער פלאג?

דעטראיט מוז פראטעסטירען אינאיי־נעם מיט די סאניטאריום לייט אנטקעגען דער פארשווערונג קעגען סאניטאריום!

פולער באריכט פון דער ערשטער זיצונג פון דעם אקציאנס-קאמיטעט קאנפערענץ אין לאנדאן

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)

די קאנפערענץ אין לאנדאן, ענגלאנד, האט זיך ערעפענט מיטוואך פריה, 11־טען פעב. אין דעם קאנפערענץ צימער פון דעם ציוניסטישען צענטראל אפיס.

די פערהאנדלונגען ווערען פארמאל ערעפענט מיט א רעדע פון מר. נחום סאקולאוו אין העברעאיש, אין וועלכער ער דריקט אויס זיין גרויס צופרידענהייט מיט דעם, וואס זינט די מלחמה האט אויסגעבראכען, איז איצט צום ערשטען מאל מעגליך געווען איינצוברופען א זיצונג פון דעם אקציאנס קאמיטעט, אין וועלכע אלע מיטגליעדער, מיט זעהר א קליינער אויסנאהמע, קענען זיך באטייליגען. ער דערמאהנט אויך, מיט דעם גרעסטען באדויער, די פארלוסטען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פאר די לעצטע פאר יאהר מיט דעם טויט פון וואלפסאן, טשלענאוו, היימאן און שמאנד.

דר. האנטקע ערקלעהרט דאס צוליעב די אונפארמיידליכע צוריקציהונג פון דער יעהרליכער קאנפערענץ, איז באשלאסען געווארען איינצולאדען צו דיעזער פארזאמלונג, פארשטעהער פון יענע פעדעראציעס וועלכע זיינען נאך ניט פארטראטען אין דער עקזעקוטיווע, צוזאמען מיט געוויסע אנדערע לייט, און בעט דאס דיזע איינגעלאדענע זאלען גוט געהייסען ווערען פון דער פארזאמלונג מיט דעם תנאי דאס דיעזע געסט זאלען ניט האבען קיין שטים רעכט.

מר. י. פישער פאדערט אויף איינצובערופען א ספעציעלע זיצונג פון דער עקזעקוטיווע, וועלכע זאל דיסקוטירען די פראגע פון צולאזען די איינגעלאדענע דעלעגאטען.

דר. מארמאראק, באקלאגט זיך דאס אין צוזאמענהאנג מיט דער ליבעראלער האנדלונג אין באצוג צו די איינלאדונגען, האט זיינער א שריפטליכער פארשלאג, וועלכער האט געהייסען איינלאדען אלע געוועזענע מיטגליעדער פון דעם אקציאנס קאמיטעט, געדארפט אנגענומען ווערען.

עס ווערט אנגענומען מר. אידעלסאנ'ס פארשלאג, דאס א ספעציעלע פארזאמלונג פון דער עקזעקוטיווע, וועלכע זאל זיך אפגעבען מיט די פראגע פון צולאזען די דעלעגאטען, וועלכע באלאנגען ניט צו דעם אקציאנס־קאמיטעט, זאל איינברופען ווערען בעפאר דער נאכמיטאגער זיצונג.

מר. לאנדמאן (סעקרעטער פון דער ארגאניזאציע) לעזט פאר א טעלעגראמע פון מר. אוסישקין אין ירושלים, אין וועלכע ער באגריסט הערצליך די קאנפערענץ. דריקט אויס זיין איבערצייגונג דאס די פארהאנדלונגען אויף דעם קאנפערענץ וועלען ברינגען גוטע רעזולטאטען. אין דעם וואס זיי וועלען באשאפען די נויטיגע מיטלען פאר אונזער ארבעט אין ארץ ישראל, און ערקלעהרט דאס ביי היינטיגען טאג זענען שוין דא אין ישוב פיעלע מעגליכקייטען פאר בעדייטענדע ארבייטען אויף פארשיעדענע געביטען.

דר. ווייצמאן לעזט פאר א באריכט וועגען דער פאליטישע פאראָרדנונג. דער מאנדאט איבער ארץ ישראל, ערקלעהרט ער, ווערט ערווארטעט אין א גאנץ קורצע צייט. די פארמולירונג פון מאנדאט איז דער אויסגאנג פון בעדייטענדע שטענדיגע פערזאמלונגען און דיסקוסיעס מיט די יעניגע ציוניסטישע ארגאניזאציעס און פארשטעהער, מיט וועמען מען האט זיך געקענט בעראטען אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר, און דער רעזולטאט פון פערציהענדע, אונטערהאנדלונגען מיט די פארשטעהער פון דער בריטישער רעגירונג, וועלכע האבען איינגעשטימט מיט דעם פלאן, וועלכע וועט פארגעלעגט ווערען פאר דער זיצונג.

די וויכטיגסטע אנגעלעגענהייט וועלכע איז נאך ניט געשליכטעט, איז זיכער, אויסער דעם מאנדאט, די גרענעצען פראגע. פארהאנדלונגען זיינען, אין נאמען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אנגעפיהרט געווארען מיט די רעגירונגען, וועלכע האבען א שייכות צו דער פראגע, און די רזולטאטען וועלען, האפענטליך, זיך צופאסען צו די אבסאלוטע נויטווענדיגקייטען, פון דער נאציאנאלער אידישער היים אין ארץ ישראל, און פון א טיכטיגער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון דעם לאנד.

אין בעצוג צו די אומשטענדען אין לאנד, ערקלעהרט דר. ווייצמאן, דאס די אונערווארטעטע פארציהענדע מיליטערישע רעגירונג איבער'ן לאנד האט פיעל פערשלימערט און שווער געמאכט די עקאנאמישע באדינגונגען דארט. דאך איז עס מעגליך געווען צו איבערצייגען דער מיליטערישער לייטונג דארט, די נויטווענדיגקייט פון אננעהמען געוויסע פלענער, וועלכע זאלען ערלויבען, בעפאר די שליסליכע שליכטונגען פון אלע פאליטישע פראגען, די איניציאטיווע פון בעדייטענדע קאנסטרוקטיווע אונטערנעהמונגען. און האפענטליך וועט די אונצופרידענהייט מיט די אומשטענדען זיך ענדיגען. עס געהען אויך ניט קיינע אנדערע אנווייזונגען אויף א פארבעסערונג אין דער עצטיגער אפאטישער פעריאדע, ווי למשל ערבערט סעמועלס מיסיע, וועלכע איז ...בער פון גרויס וויכטיגקייט.

דר. ווייצמאן בעדויערט שטארק די אבוועזענהייט פון די פארשטעהער פון די אמעריקאנער ציוניסטען. די אורזאכע פון זייער אבוועזענהייט איז טהיילווייז ווייל זיי זענען איצט שטארק פארנומען מיט דעם גאולה קאמפיין, און טהיילווייז צוליעב פערזענליכע אורזאכען. די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אמעריקא, ערקלעהרט דר. ווייצמאן, איז די יעניגע, וועלכע האט אין דער צייט פון פאליטישען און עקאנאמישען קריזיס, אויפגעהאלטען די ארגאניזאציע, און טראגט נאך יעצט אויך ביי ארום 80 פראצענט פאר אלע פינאנציעלע באדערפנישען פון דער ארגאניזאציע בכלל, און ארץ ישראל בפרט. אויסער אמעריקא האבען נאר די ציוניסטען פון ענגלאנד, קאנאדא—און זויטה אפריקא ביינעטראגען פינאנציעל אין א געוויסער מאס. ער שלאגט דעריבער פאר דאס דער אקציאנס קאמיטעט זאל אויסדריקען זיין דאנק צו ריכטער בראנדייס און דער אמעריקאנער ציוניסטישע ארגאניזאציע פאר די הילף וועלכע זיי האבען געלייסטעט, און לייסטען נאך עצט, פאר דער זאך.

אום אנצופאנגען די נויטווענדיגע ארבייטען, וועלכע וועלען אנווענדען די נייע ארבייטס פעריאדע, איז נויטיג, ריכטיג צו ארגאניזירען דעם נאציאנאל פאנד און אלע אנדערע ציוניסטישע פינאנץ אינסטיטוציעס.

ווייצמאן פארענדיגט זיין איבערבליק מיט דער האפנונג פאר פרוקטבארע ארבייט. ער האט גאר ניט אויסצוזעצען געגען קריטיק, אויב די עקזיסטירענדע מענשקייטען וועלען באטראכט ווערען אין זייער ריכטיגער פארהעלטעניס.

סאקאלאוו פאלגט נאך מיט א באריכט וועגען די באציהונגען צווישען דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און די פראנצויזישע רעגירונג. צוליעב די לעצטע פאליטישע געשעהענישען אין פראנקרייך, ערקלעהרט ער, איז עס געפונען געווארען ניט נויטיג צו קומען אין באריהרונג מיט די נייע פיהרער דארט, זיי דייטליך באקענען מיט אונזערע מאטיווען, און קריגען זייער שטיצע.

סוקולוב דערצעהלט דאס ער האט געהאט אן אונטערדרוקונג מיט פרעמיער מילעראנס, מיט ס. ל. בורזשואו, פרעזידענט פון סענאט און פראנקרייכ'ס פארשטעהער אין דער פעלקער־בונד, און האט געקראגען די איינדריקע דאס פראנקרייך וועט זיך האלטען ביי איהר באשטעטיגונג פון דער באלפור דעקלאראציע. ער גיט ווייטער אן אלגעמיינעם איבערבליק איבער די באציהונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע מיט די אנדערע רעגירונגען, און דריקט אויס דאס מיינונג אז די מעכטע באציהען זיך צום ציוניזם ניט ווי צו אזעלכעס וואס באריהרט נאר ארץ ישראל נאר אלין אזוינס וואס איגנע דעם גאנצען אידישען פאלק.

דר. האנטקע באמערקט דאס די פארהאנדלונגען זאלען אנגעפיהרט ווערען אין עתוים, א ספעציעלער רעפארט, וועלכער וועט אויסגעארבייט ווערען פון מר. אנרמאן און מר. הערמאן, און וועט באשטעטיגט ווערען פון א קאמיטע באשטעהענד פון מר. פייוועל און מר. פישער, וועט ארויסגעגעבען ווערען פאר די פרעסע. די פארזאמלונג באשטעטיגט דעם בעראטונגס פראגראם, וועלכע די עקזעקוטיווע האט פארגעבראכט, ווי פאלגענד:

ווייצמאנ'ס און סוקולוב'ס באריכטע זאלען אויפגענומען ווערען פאר אן אלגעמיינער דיסקוסיע. אפהאנדלונגען וועגען קאלאניזאציאן פראבלעמען און פינאנץ פלענער וועלען פארגעבראכט ווערען ביי מר. יוליוס סימאן, דר. רובין און ב. גאלדבערג. איין טאג וועט אפגעגעבען ווערען פאר א באריכט איבער דער פינאנציעלער לאגע, און פאר פלענער בנוגע פינאנץ אינסטיטוציעס. אן אפהאנדלונג איבער חנוך פראגען וועט פארגעלעזען ווערען ביי דר. שמריהו לעווין, ר. ווייצמאן וועט אריינברענגען א ספעציעלען באריכט איבער דער אוניווערזיטעט פון ירושלים אינסטיטוציעס. מר. זלאטאפאלסקי וועט באריכטען איבער דער קולטורעלער ארבייט אין רוסלאנד. מר. אדלישעווסקי איבער קולטורעלער ארבייט אין פוילען, און מר. באהם איבער קולטורעלער ארבייט אין עסטרייך. דר. יאנסקע וועט געבען אן אפהאנדלונג איבער ארגאניזאציאנס ארבייט און ב. גאלדבערג איבער פינאנץ אנגעלעגנהייטען. א ספעציעלער באריכט וועט אפגעגעבען ווערען ביי מר. ל. מאצקין, דער פארשטעהער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין דער אידישער דעלעגאציע, וועלכער וועט רעדען איבער דער פראגע פון ארבייט אין די גלות לענדער. צום לעצט וועט מר. נ. דעליעס אפגעבען א באריכט פון נאציאנאל פאנד.

עס ווערט אנגענומען מר. מאצקינ'ס פארשלאג צו פארלעגען די וויכטיגע ציוניסטישע דאקומענטען פאר די יעניגע מיטגליעדער פון אקציאנס קאמיטעט, וועלכע זיינען יעצט צום ערשטען מאל אין לאנדאן, און האבען נאך קיין געלעגענהייט ניט געהאט זיי צו זעהן. מר. פישער באהויפטעט דאס עס איז ווינשענסווערטה פארצובריינגען באשטימטע פארשלעגע און זיי באהאנדלען מיט דעם אבזיכט פון געבען אן אלגעמיינעם באריכט.

עס ווערט ענדליך באשלאסען אפצולעגען דעם נאכמיטאג זיצונג ביז די נויטווענדיגסטע דאקומענטען וועלען זיין רעוועדירט אויף א פריהערינע ספעציעלע זיצונג.

(שלום מארגען)

א תשובה צום רעדאקטאר פון „וועג“

פון א. קאצין

צוזאמענגעשטעלט פון פאקטען, דערצעהלט פון די מיטגלידער פון דער היברו האספיטאל אסס'ן און פון אונזער ערפאהרונג.

ווערטהער הערר ב. י. גאלדשטיין.

אין אייער אויסגאבע פון מארטש [illegible] האט איהר אונזער ארגאניזאציע [illegible] מיט א זעהר ווארימען [illegible]. אין דערזעלבער צייט האט איהר אבער געפרעגט איינינע פראגען, וואס מוזען באנטווארט ווערען אין אום אייך און אלע די פראגען פארענטפערט ווערען און אויך דעם ברייטען עולם.

איהר שרייבט אין אייער דערמאנטע [illegible] א טיקעל, אז די אסס'ן איז אלט [illegible] יאהר און דאך שטעהט זי אויף איין פלאץ און באוועגט זיך ניט מיט ממשות'דיגער ארבייט. קאן איך אייך זאגען אז אלט איז טאקע די ארגאניזאציע אכט יאהר, נאר געארבייט האט זי בלויז פינף יאהר, ווארים אין דער לעצטער דריי מלחמה יאהרען איז פאר פיעלע אורזאכען גארניט געטאן געווארען. ערשטענס איז אין די לעצטע דריי יאהר געבויט געווארען אויף דער אידישער גאס א לייבאר ליסעאום וואו פיעלע פון אונזערע מעמבערס זענען געווען פאראינטערעסירט אין דעם אויבען דערמאנטען בנין. די היברו האספיטאל אססאסיאיישאן האט ניט געוואלט אפציהען די אויפמערקזאמקייט פון די יעניגע וועלכע זענען געווען אין דעם פאראינטערעסירט און דערמיט שטערען דעם לייבאר ליסעאום, און צווייטענס איז אויך אין די לעצטע דריי יאהר געקויפט געווארען א בית יתומים וואו כמעט אלע פרויען פון דער לאדיס־עקזילערי פון דער היברו האספיטאל אססאסיאיישאן וועלכע האבען געטאן אזוי פיעל [illegible] און ממשות'דיגע ארבייט פאר אונזער באוועגונג, האבען זיך אריין געווארפען מיט לייב און זעלע פאר דער ארבייט פון בית יתומים, און אין אלגעמיין איז יעדער איינציגער איד געווען פארנומען זעהר מיט דאגות פון מלחמה קרבנות, און ס'איז ניט געלעגען אין זינען אפצוגעבען זיך מיט טובת הכלל. דאס מאכען די אורזאכען פארוואס אונזער ארגאניזאציע האט נישט געארבייט פאר די לעצטע דריי יאהר.

יעצט וויל איך אייך זאגען וואס די היברו האספיטאל אססאסיאיישאן האט אויפגעטאן אין די ערשטע פינף יאהר פון איהר עקזיסטענץ.

פאר אלעם האט די אסס'ן געקויפט א לאט פאר א האספיטאל אויף קארנער הענדרי און עכטוויין, 200 ביי 173¼ צום פאר אכט טויזענד דאלער, און אט אכט טויזענד דאלער מיט אינטערעסט [illegible] טעקסעס יעדען יאהר פון דריי ביז [illegible] הונדערט דאלאר א יאהר האט גע[illegible] פינף יאהר שווערע ארבייט. צו באצאהלען דאס. איינער פון די ערשטע [illegible] טיכטיגסטע מעמבערס דערצעהלט [illegible] אז אין א פארצווייפעלטען מאמענט ווען מען האט געדארפט מאכען א [illegible] פאר דעם לאט און קיין געלט [illegible] ניט געווען, האבען זיי זיך געווענדעט צו די אידישע מארגאנס און ראקעפעלערס פון דעטראיט און געוואלט איבערגעבען זיי דעם גאנצען כבוד מיט דעם [illegible] אבי זיי זאלען אויפבויען א אידישען האספיטאל, האט מען זיי געענטפערט אז איהר קענט זיך ניט באגעהן אהן אזא לוקסוס. עס איז דא גענוג גוי'שע האספיטאלס און קאמיטע האט געמוזט [illegible]; אבל וחפוי ראש; זענען די [illegible] טוהער פון האספיטאל געפאלען אויף א פלאן: צו געהן צו אלע אידישע פאראיינען, יוניאנס, ארבייטער רינג בראנטשעס און סתם ארגאניזאציעס און פארלאנגען פון יעדען פאראיין צו צוויי דעלעגאטען, דער מיין דערפון איז געווען צו פאראינטערעסירען אלע אידען אין דער באוועגונג פון א אידישען האספיטאל; פיעלע פון די דעלעגאטען זענען געווען טרייע און טיכטיגע ארבייטער פאר דעם אידישען האספיטאל, מיט דער הילף פון דיעזע דעלעגאטען, זענען [illegible] געווארען פארשיעדענע אונטערנעמונגען אום צו מאכען געלט פאר דעם האספיטאל, איינינע פון די דעלעגאטען האבען אין די באריכטען פון האספיטאל צו זייערע סאסייעטיס, אויף אזוי פיעל באאיינפלוסט זייערע מעמבערס, אז א געוויסע ארבייטער רינג בראנטש האט זיך געטעקסט מיט דריי אדער מיט פינף סענט א קווארטאל פון יעדען מעמבער, און א פאר פאראיינען האבען זיך געטעקסט מיט פינף סענט א מאנאט פון יעדען מעמבער. דיעזע געלדער זאגט מען אונז ליגען נאך ביז יעצט ביי זיי אין זייערע טרעזשורערס, ביז מיר וועלען אנפאנגען בויען.

פון די אלע אונטערנעמונגען האט קוים געקאסטעט אויף צו באצאהלען פאר דער לאט, פאר טעקסעס, רענט א. ז. וו.

דער פועל יוצא פון דעם גאנצען פלאן פון די פארטרעטערשאפט איז געווען אז מען איז צוגעקומען צו א אידען און פארלאנגט פון איהם ער זאל ווערען א מעמבער פון דער היברו האספיטאל אססאסיאיישאן האט ער געזאגט, וואס הייסט מיר צאהלען דאך אין פאראיין פאר דעם האספיטאל.

איך מוז אויך דא זאגען, אז עס איז גארניט געווען וואס צו פאראיבעל האבען אויף אזא ענטפער, ווארים די פינאנסען פאר די מלחמה יאהרען זענען ניט געווען אזוי גלענצענד.

נעמענדיג דאס אלעס אין אנבאטראכט, הערר רעדאקטאר, גלויב איך וועט איהר אייך בייטען אייער מיינונג אז מיר האבען ניט געטאן קיין ממשות'דיגע ארבייט.

צו דער זעלבער צייט וויל איך אויסנוצען די געלעגענהייט און זאגען אויך וואס מיר טוען יעצט:

אומגעפעהר, מיט דריי מאנאטען צוריק, נעמליך דעם 12טען דעצעמבער, איז דורך דער פרעסע פארגערופען געווארען דער ערשטער מיטינג וואו די האספיטאל אססאסיאיישאן האט זיך רע־ארגאניזירט, און דאס ערשטע וואס איז עס אויפגענומען געווארען אויף יענעם מיטינג איז געווען צו עלעקטען א פינאנס קאמיטע פון פינף, פון די פינף איז גאר איינער געווען א מעמבער פון האספיטאל; דיעזע קאמיטע האט געהאט די פולע מאכט צו אונטערזוכען די ביכער און די רעכענונגען, און נאכדעם איהר רעפארט צו דרוקען אין דער פרעסע.

אין א מאנאט ארום איז די קאמיטע פארטיג געווארען מיט אזא רעפארט און דאס איז געדרוקט געווארען אין דער היגער אידישער ווי אויך אין דער אידיש־ענגלישער פרעסע.

צו דעם נעקסטען מיטינג איז געווען עלעקשאן פאר נייע אפיסערס און א באארד אוו דירעקטארס אין דער צאהל, באשטעהענד פון צוויי און צוואנציג פערזאן זענען עלעקטעד געווארען. די אפיסערס און די באארד אוו דירעקטארס און אויך פיעלע איינצעלנע מעמבערס ארבייטען גאנץ טיכטיג. אום אריינצוקריגען מעמבערס. אונזער הויפט אויפגאבע איז יעצט צו קריגען צעהן טויזענד מעמבערס, דאס מוז און דארף געטאן ווערען. אין דעטראיט איז די אידישע גאס אציגר ב"ה רייך און גרויס אין צאהל קיין ע"ה, כי רבו די אידישע גאס פארמאגט זיך איהרע נגידים און זיי דארפען איצט ניט אפשטעהן פון דיעזער וויכטיגער ארבייט. מיר ווילען און דארפען פאראינטערעסירען אלעמען אין אן אנשטאלט, וואס וועט געהערען צו אלעמען.

עס איז יעצט באשלאסען געווארען ביי אונז אז די פארטרעטערשאפט פון סאסייעטיס דורך דעלעגאטען זאל אפגעשאפט ווערען און דערמיט געבען א געלעגענהייט יעדען מאן אדער פרוי צו באלאנגען דירעקט צו דער האספיטאל אססאסיאיישאן און זיין פערזענליך פאראינטערעסירט און מיטהעלפען אויפצובויען אזא וויכטיגען אינסטיטושאן; וועלכע זאל זיין א כבוד פאר די מתעסקים און פאר דעם אידישען דעטראיט.

צו דער זעלבער צייט טוען מיר אויך פאקטישע ארבייט, ווי איהר, הערר רעדאקטאר, רופט דאס אן; ממשות'דיגע ארבייט: די באארד אוו דירעקטארס און די מעמבערס זענען מיט דער מיינונג, אז אונזער יעצטיגער לאט איז ניט פאסיג פאר א האספיטאל ווייל עס איז צופיעל פארבויעט ארום און איז אויך צו קליין. מיר זוכען יעצט א פאסיגען לאט. מיר גלויבען אז פאר דער סומע וואס מיר קענען קריגען פאר אונזער לאט, קען מען קויפען א פאסיגען לאט ערגעץ אביסעל ווייטער, און עס זאל נאך בלייבען גענוג אויף אנצופאנגען צו בויען. און אזוי שנעל ווי מיר וועלען א לאט קויפען וועלען מיר גלייך צוטרעטען צו דער ריכטיגער ממשות'דיגע ארבייט.

דער ערשטער באנקעט פון דעם אידיש - פראפעסיאנעלען געזאנגס פאראיין פון דעטראיט

נעקסטען זונטאג דעם 14־טען מארטש, אום 6 אוהר אוונט וועט אין לייבאר טעמפעל, 39 דעלמאר עוו., שטאטפינדען דער ערשטער באנקעט פונ'ם אידיש־פראפעסיאנאלען־געזאנגס פאראיין פון דעטראיט. עס וועט דורכגעפיהרט ווערען א גרויסער פראגראם פון געזאנג, פארלעזונגען און דעקלאמאציאנען, פון די מעמבערס פונ'ם פאראיין.

עס וועלען געלאדען ווערען אלע פאמיליען פון די זינגערס ווי אויך איינינע זינגערס און אנדערע פערזענליכקייטען פון שטאדט.

די אראנדזשמענט קאמיטע.

באברויסקער און אומגעגענד רעליעף

ווערטהער רעדאקטאר:

ביטע דרוקט פאלגענדען רעפארט א פעקעדוש פארטי איז אפגעהאלטען געווארען זונטאג דעם 29־טען פעברואר אין אידישען אינסטיטוט 204 הענקאק עוו. איסט, אבוואהל די פארטי איז אראנזשירט געווארען אין אייליגניש און אין א קליינעם האל, האט די אונטערנעהמונג אריינגעבראכט אן אנגערווארטעטע סומע געלד.

מיר דאנקען זייער די באברויסקער לאנדסלייט פאר זייער ווארימען אפרופען זיך.

מיט אכטונג, די קאמיטע
וו. הארדעס, סעק.

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה ניט צו זאגען „סינסינעטי מצה“, נאר אויסדריקליך פארערן

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות“

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש. ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה־מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און פעסער

ניו־יארק אפיס: 1 יוניאן סקווער

די ב. מאנישעוויטץ קא. סינסינעטי, אהייא

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



אטאמאביל עקסידענט האספיטאל



אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארעס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט. געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיינעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, און עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 776

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בחנם

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלערס.

קעדילאק 2061

די פארנסווארט

וויש-טערקישע, עלעקטרישע באד

מיט גרויסע מארבעל וואנעס, 2 כשר'ה מיקוואות, עלעקטריק קעבינעטס. גוט פאר ארקיהלונג, רומאטיזם, בראנקייטעס און פאר אלע וועלכע ווילען האבען א גוטע בלוט סירקולייש'אן. זעהר א שעהנע רעסטינג רום פאר שלאפען נעכט. מיר פארמיעטען אויך די בעטען; וועכענטליך פאר ריזאנייבל פרייזען. סטריקטלי ריין און גוט בעהאנדלונג.

שווין פאר פרויען יעדען מיטוואך

Der Weg

די אײנציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

פיס אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

מאנטאג, 8טער מארטש, 1920

דער פרינץ איז שיער ניט געווארען ניקאלאי'ס איידים

פון ב. י. ג—ן

א שידוך פאר'ן פרינץ עדוארד מיט בעלגיען, וואלט אנגענומען געווארען „ביי אקלאמיישאן". שפעטער אין די מלחמה יאהרען האט מען בודאי זיך מתיחס געווען אין ענגלאנד מיט בעלגיען. איז אבער מאריע דזשעסי, דעם קעניג אלבערט'ס טאכטער א מיידעלע צוועלף־דרייצעהן יאהר אלט.

אין דענעמארק איז אויך נישטא קיין פאסיגע פרינצעסין.

דער איטאליענישער קעניג האט אפילו יא דריי פרינצעסינס, און אין די מלחמה יאהרען וואלטען די קעניגליכע שדכנים זיכער געווען איינגעפיהרט א שידוך מיט איטאליען. זיינען זיי אבער נאך אויך קינדער: די עלטסטע איטאליענישע פרינצעסין איז קוים אלט זעכצעהן יאהר, די אנדערע — פופצעהן און די דריטע — צעהן יאהר. די צוקונפטיגע קעניגין פון האלאנד, פרינצעסין יוליאנא איז ערשט א מיידעלע ניין יאהר אלט; די מאנארכען פון נארוועגיען און שוועדען האבען גאר קיין טעכטער נישט; די שפאנישע פרינצעסינס, בעטרים און מאריא קריסטיאנא זיינען אויך נאך קינדער (די ערשטע ניין יאהר, די צווייטע זעקס יאהר אלט) און די סערבישע פרינצעסין, העלענא, איז שוין צו אלט (32 יאהר).

אט האט איהר אייך א תכלית פון כמעט אלע פרינצעסינס אין אייראפא.

איז פלוצים מיט דריי יאהר צוריק ארויס א קלאנג, אז דער פרינץ וועט א חתן ווערען מיט דער שעהנער פרינצעסין מארגאריטא, די טאכטער פונ'ם פרינץ וולאדימיר פון דענעמארק.

עפעס לאגישעס איז אין דעם קלאנג געווען.

ווייס מען דאך ווי חשוב עס איז די קעניגין אלעקסאנדרא, וועלכע איז אויך געקומען פון דענעמארק. אבער פארט האט זיך אויך דער דאזיגער קלאנג אויסגעלאזט מיט גארנישט. מען איז זיכער אז אויב אפילו מען האט גערעדט פון שידוך אין לאנדאן, האט מען איהם באלד אויפגעגעבען ווייל מען זוכט א שידוך פאר'ן פרינץ עדוארד מיט אן אקטועלען רעגירער, מאנארך, און נישט מיט גלאט א טיטולירטען פרינץ'ס א טאכטער. דאס איז שוין נישט לפי הכבוד.

מיט דריי יאהר צוריק איז מען כמעט געווען זיכער אז פרינץ פון דעם דעמאקראטישען ענגלאנד וועט ווערען אן איידים אדער אין רוסלאנד, אדער אין גריכענלאנד, אדער גאר אין רומעניען.

די איידען אין ענגלאנד וואלטען ניט געווען צופריעדען מיט די לעצטע דריי שידוכים. אבער מען פרעגט ביי זיי נישט קיין דעה.

אז דער פרינץ וועט זיך פאר'קנס'ען מיט דער פרינצעסין העלענא פון גריכענלאנד איז נאך איצט אויך א סברא. זי איז דער קעניגין אלעקסאנדרא'ס א פלימעניצע, זי איז מיט פינף יאהר יונגער פון דעם פרינץ.

די שטערונג איז דא אבער א גוואלדיג גרויסע אין דער רעליגיע. חוץ דעם האט מיט צוויי יאהר צוריק די געוועזענע גריכישע קעניגין זיך ארויסגעזאגט שארף קעגען א שידוך מיט ענגלאנד. ווי באוואוסט איז זי געווען א פריינד פון דייטשלאנד און דאס האט געפיהרט דערצו וואס מען האט ארונטערגעזעצט דעם קעניג קאנסטאנטין און אויך זיין ארט אריף עטוועטס זיין זוהן.

דער שידוך מיט רומעניען האט זיך דעמאלט אויסגעוויזען צו זיין מעהר פאסיג:

„די רומענישע פרינצעסין עליזאבעטא איז דעמאלט איין און צוואנציג יאהר אלט געווען (אין 1916), זי איז א זעהר שעהנע מיידעל און איז ענליך צו איהר ענגלישער מוטער. ניט קוקענדיג וואס איהר טאטע, קעניג פערדינאנד, איז ניט אזא מיוחס, איז אבער די פרינצעסין א מיוחסת. זי איז א אייניקעל פון דער ענגלישער קעניגין וויקטאריא. זי האט געלערנט אויף דאקטאר מעדיצין און אין דער צייט פון דער באלקאנען קריעג, האט זי אין איהר שפיטאל (אויף איהר נאמען) געהיילט די פארוואונדעטע סאלדאטען; דערצו איז זי א פעהיגע מאהלערין; זי זינגט זעהר שעהן און ווערט גערעכנט אלס גוטע קאנטראלט. עס האט געהאלטען זיך שוין צו איהר גע'שדכנ'ט דער פרינץ בארים פון בולגאריען און דער פרינץ פון גריכענלאנד.

מיר מעגען אפילו ניט זיין צופריעדען מיט א רומענישען שידוך. אבער ווי זאגט מען עס: „מען נעהמט ארויס דאס פערד און די שטאל פארשפארט מען"? וואלטען מיר האט אייגענע גערעכנט זאגען אויך אויף דער רומענישער פרינצעסין, ווען זי זאל אריינפאלען צום פרינץ. איז אבער אויך אהן אונזער הסכמה אין ווייטערהיילען גארנישט געווארען פונ'ם שידוך, ווייל ניט קוקענדיג אויף די אלע מעלות איז די פרינצעסין א שטארקע אי־רגליייבערקע אין האלט זיך נישט מעשי פרינצעסין. זי האט שוין צוויי פרינצען אפיציעל אפגעזאגט און דער דריטער פרינץ דארף זיין זעהר פארבוטן...

איז מען פארזיכט.

דעמאלט (אין 1916) האט מען זיך געווענדעט קיין רוסלאנד.

טאקע עפעס נאר דורך נסים וואס פרינץ עדווארד איז נישט געווארען ניקאלאי'ס און איידים. עס האט געהאלטען גאר נאהענט דערצו.

דער פרינץ האט זיך גע'שדכנ'ט צו אלגא ניקאלאיעווגא (דעם געוועזענעם צאר'ס עלטסטע טאכטער), און אויסערגעוועהנליכע שעהנהייט און זינט זי איז אלט געווען איין וואך, האט דער צאר אוועקגעלעגט פון דעם וועגען נרן א צעהן מיליאן רובל. אויף אזא אופן איז זי געווען דעם די רייכסטע יורש'טע אין דער וועלט.

אויך זי האט א סך מעלות. די גרעסטע מעלה פאר ענגלאנד: — זי האט אויסגעצייכענט גוט ענגליש מיט'ן לאנדאנער אקצענט. זי איז א ארט און זעהר א לעבעדיגע.

ווען מען האט אנגעהויבען שטארק צו ריידען פון א שידוך צווישען זיך און דעם פרינץ אז ווילט האט די פרינצעסין קאטערינא ראדזוויל אויסגעגעבען א באריכט, וואס האט אפגעקיהלט די ענגלישע שדכנים.

זי האט געשריבען:

„דער אמת איז, אז נאר א פרינץ פון דער גריכישער קירכע וועט היייראטען מיט דער עלטסטער טאכטער פונ'ם רוסישען צאר. עס קען אבער זיין, אז דער פרינץ אף ווילס וואלט געפעלען געווארען די ראמאנאווס.

„די צארישע ספערע איז גינסטיג פאר'ן פרינץ אף ווילס. ווייל אזא שידוך וואלט געפהאכט א גאראנטירטען פריידען אויף דער וועלט און עס וואלט מיט איין מאל אראפגענומען די מאכט פון די האהענצאלערנס. עס איז נאר א שאלה צי דאס „הייליגע" רוסלאנד וועט מוסכם ווערען אז די עלטסטע טאכטער פונ'ם צאר זאל חתונה האבען מיט א מיטגליד פון דער „אנגליקאנישער" קירכע. כאטש מען קען זיכער זיין אז זי וועט די זאך פארקוקען".

אט דאס „פארקוקען" איז דעמאלט ניט געפעלען געווארען אין ענגלישען הויף.

איז געבליבען איין און איינציג'ע אויף'ן צעטיל: מאריא אדעלײידא ווילהעלמינא פון ליקסעמבורג. א מדינה מיט 260 טויזענד נפשות אויף עטליכע טויזענד סקווער מייל. זי איז אויך א שעהנע מיידעל, מיט מעלות. אבער זי איז שוין אויך א כלה געווארען פאר אן עסטרייכישען פרינץ.

און — אט קענט איהר זעהן פון אויבען אויף, ווי שמאל עס האלט דער ענגלישער פרינץ מיט א שידוך:

פון רוסלאנד איז האך אפגערעדט: מיט רומעניען דארף מען זיין פארזיכטיג; די גריכישע כלה איז איצטער אויפגעבראכט אויף ענגלאנד, וועלכע האט געהאלפען אראפצועצען איהר פאטער פון טראן; ווילהעלמינא איז שוין א כלה געווארען און די אנדערע זיינען צו יונג.

ווי אמת איז דער נמשל פון ה. היינע'ס פאבעל:

„אין דעם גליק פון אומפארהייראטע איז שווער צו גלויבען,

„מעהרסטענס איז עס דורכגעפאלט, עס גלאנצט לפנים נור, פון אויבען."

ציון־קאמאנוועלט

א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אלעס קויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש־ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער ציוניסטישער לאנד אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אידען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארבייט.

א גרויסע געלעגענהייט, וועלכע קיין איד זאל ניט פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט גערן געבען אלע אויסקינפטע, זיך ווענדען חאטעל פאנטשארטריין (?) ...

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
דזשאדזש דזשוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברודי
בערנארד א. ראזענבלאט

עוועניו, ניו יארק.
ציון קאמאנוועלטה, 55 — 5טע

מצות נאך אייראפא!

שיקט מצה

צו אייערע עלטערן, קרובים און פריינד אויף יענער זייט ים. 6 יאהר צייט האבען זיי נים געהאט קיין מצה צו די סדרים. היי יאהר אבער קענט איהר זיי פארזארגען מיט די בארימטע

ר' מאיר לאנדאן'ס מצות

די מצה וואס האט צו זיך קיין גלייכען — 50 יאהר די בעסטע; צוליעב דיעזען הייליגען צוועק פאקען מיר אונזערע מצה אין —

עלף פונטיגע פעקעדזשעס

קוים די פארערונגען פון פאסט אפיס אזוי אז איהר זאלט ווי קענען שיקען מיט זיכערהייט נאך אייראפא. פעקעדזשעס יגען פארטיג צו שיקען. די באקסעס זיינען ספעציעל געמאכט פאר דיזען הייליגען צוועק. דער פאסט אפיס וועט דאס פאר אייך דעליווערען. ארדערט גלייך! די צייט איז קורץ. אויך דעטראיטער אידען האבען היינטיגעס יאהר די געלעגענהייט צו עסען די בעסטע מצה.

ר' מאיר לאנדאן'ס מצה

מצה, מעהל, קייק מעהל און פארפעל. — גראסערי לייט מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס; ווענדעט זיך צו אונזער אגענט — די

O. K. Grocery

361 Winder Cor. Rivard Cherry 6203

פערלאנגט בלויז מאיר לאנדאן'ס מצות פון אייער גראסער
די בעסטע אין געשמאק און כשרות — די בילינגסטע אין פרייז

קאונטרי ארדערס פינקטליך א טענדענט

וואס איז אידישע מוזיק?

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון ישראל ראבינאוויטש

2

עקסטאז. — אט דאס איז דער הויפט עלעמענט פון דער אידישער מוזיק.

דער אידישער ניגון איז פריהער פאר אלעם א תפילה'דיגער; ער איז אין גוסס זעלטען באפעהלעריש, נאר תמיד פארוויינט און פארבענקט; תמיד ליבעריש און הימנעדיג.

איז דאס א רעזולטאט פון די אידישע ליידען?

טיילוייז זיכער יא, אבער ניט אין גאנצען.

די אידישע מוזיק איז דער סענטימענטאלער אויסדרוק פון דעם אידישען ארט דענקען. עס איז ניט קיין צופאל, וואס אין דער אידישער שפראך האט זיך נעשאפען אזא אויסדרוק ווי א „מאראלישער ניגון". די אידישע מוזיק — אין איהר איינפאכער און פרימיטיווער פארם — איז פיעל נעהענטער צו דער מאראל, ווי צו דער קונסט.

ווארים אין קונסט שפיעלט דאס סענזועלע, דאס פערזענליכע די הויפט ראלע, בעת דער אידישער ניגון איז ווייט פון יעדען סארט סענזואליטעט.

די אידישע שול־ניגונים — ניט אבשטענדיג צו זיי שטאמען פון ירושלים אדער פון קעניגסבערג — רופען ארויס די איידעלסטע געפיהלען און פיינסטע סענטימענטען; זיי ברענגען אריין אין עקסטאז און פון דארטען — אין העכערע, און שעהנערע וועלטען.

גרויס איז די בענקשאפט פון דער אידישער נשמה צו שעהנערע וועלטען; אבער אלע העכערע שעהנקייטען זענען לויט דער אידישער רעליגיע פערזאניפיצירט אין דעם איין־און־איינציגען גאט, וואס איז איבער אלעם און אלעמען: „לה' הארץ ומלואה, תבל ויושבי בה".

ווערט דארום דער אויסדרוק פון דער גרויסער גייסטיגער בענקשאפט געצילט צום אבסטראקטען מיטעל־פונקט פון אלע שעהנקייטען און אלעם וואס איז פערזענליך און סענזועל ווערט העכער אזוי אומוויכטיג, אזוי שפל'דיג...

דער אידישער שול־ניגון, פון וואנען ער זאל ניט האבען געקומען, האט זיך געלייטערט אין הייליגקייט'ן, פארלוירען יעדען סענזועלען עלעמענט און איז מיט דעם געשפין פון טראדיציע געווארען א מוזיקאליש־מאראלישער פרעדיגט פאר זיך אליין...

און פון אט דעם דאזיגען קוואל איז געשעפט געווארען די אידישע פאלקס־מוזיק. זעהר ריכטיג באמערקט דער באנאבטער אידישער מוזיקער, פנחס יאסינאווסקי אין א אפהאנדלונג איבער אידישע פאלקס־לידער, („שריפטען") אז בעת די קריסטליכע פעלקער האבען אלע מאל געשלעפט די וואכעדיגע מעלאדיען אין קלויסטער אריין, איז ביי אידען געווען פונקט פארקעהרט: מ'האט די יום־טוב'דיגע ניגונים פון שול געטראגען אין וואכעדיגען לעבען אריין.

די אידישע נגינה איז קודם כל אן אויסדרוק פון הייליגע פארגעטערונגס־געפיהלען; א תפילה'דיגע „סערענאדע" צו דעם מקור פון אלע שעהנקייטען — א „מוזיקא סאקרא".

איך וויל דערמיט ניט אפלייקענען דעם פאקט, וואס א סך אידישע לידער ווערען דאך געזונגען מיט פרעמדע ניגונים; אפילו אין אונזער ליטווישער מוזיק געפינט זיך א היבש ביסעל פאלקס־מעלאדיען פון אנדערע קוועלען.

וואס איך וויל אבער יא דערמיט אויסברענגען איז, אז זאגאר די פרעמדע ניגונים, וועלכע אידען האבען פאראייגענט און געמאכט פאר אייגענע האבען — מיט קליינע אויסנאהמען — און זיך לכתחילה מיטגעטראגען אט דעם „מוזיקא־סאקרא" עלעמענט פון עקסטאז, אהן וועלכען זיי וואלטען בשום אופן ניט געקענט גרייכען אזוי טיף דאס הארץ פון דער אידישער פאלקס־מאסע.

נעמט די מעהרסטע ענטנומענע מאזלאראסישע אדער וואלאכישע ניגונים פון מאנכע אידישע פאלקס־לידער און איהר האט פאר זיך כמעט איין פארבענקטען מינאר־נוסט, איין „מאראלישען" ניגון.

ווארים אויך דער פרעמדער ניגון פון אונזער פאלקס־מוזיק איז געבוירען געווארען אין אן אטמאספערע פון מענשליכע ליידען, און ליידען איז דער וועג, וואס פיהרט דעם מענשען ארויף אויף די וועגען פון תפילה און התנצלות..

די אידישע טראדיציע האט ניט אויפגעכאפט סתם א מעלאדיע און געמאכט פאר אן אייגענע. אויב עס זענען פאראן אויסנאהמען; אויב עס האבען זיך אין אונזער פאלקס־מוזיק אריינגעכאפט ניגונים וואס זענען געבליבען פרעמד אין גוסט און אין גייסט, איז א סמן, אז די דאזיגע ניגונים, זענען אויף א קינסטליכען אופן אריינגעבראכט געווארען, און

זיי זענען פארורטיילט צו קורצע יאהר, ווייל זיי רופען קיין באגייסטערונג ניט ארויס.

ווי שוין געזאגט אין ערשטען ארטיקעל, איז דער „התקוה"־ניגון איינער פון די אומגליקליכע ניגונים, וואס קענען ביי אונז קיין אריכת ימים ניט האבען, טראץ דעם, וואס מען האט מיט דעם „גלות־בארג" איבער אונזערע קעפ אונז געצוואונגען עס אנצונעמען אלס כלומרשט דיזונג נאציאנאלע הימנע.

איך האב פאר א שטיק צייט ניט דורכגעלאזען קיין געלעגענהייט בייצוועוינען גרויסע אידישע פארזאמלונגען, וואו איך האב ערווארטעט צו הערען זינגען „התקוה" פון א גרויסען עולם, און איך האב קיין אמת'דיגע באגייסטערונג ניט געזעהן. מ'האט זיך מיט די מהות אנגעשטרענגט צו זיין באגייסטערט, אבער דער ניגון אליין האט זיך געשלעפט ווי א שווערע נאציאנאלע משא, וואס מען דארף לשם פליכט דורכשלעפען...

און אט די דאזיגע שווערע שטיק נאציאנאלע משא ווערט ביי אונז ארומגעטראגען אלס א ליד פון דער שעהנסטער אידישער האפנונג, — וואס פאר א טראגישער פאראדאקס דאס איז!

דאס אידישע פאלק, וואס האט דער וועלט געגעבען אן אייביגע הימנארי — דעם תהלים — און וואס זיין גאנצער מוזיקאלישער גוסט איז איין גרויסע רעליגיעזע הימנע — האט אליין זיך אנגעטשעפעט אן א וואכעדיג רומעניש לידעל און עס געמאכט פאר א הימנע!

אינ'ם „התקוה" ניגון פעהלט ניט נאר דער עלעמענט פון עקסטאז, וואס יעדע הימנע מוז אין זיך ארייננעהמען, ווייל אנדערש קען עס ניט דערגרייכען דעם געווינשטען ציעל, און ניט נאר איז ער ניט אידיש אט טאקע דערפאר, ווייל איהם פעהלט דער פארלאנגטער עלעמענט פון עקסטאז, נאר איז אפילו אלס איינפאכע קאמפאזיציע בילינגער פון א מוזיקאלישען „שוה־פרוטה". — ניט עס האט מעלאדישע רייכקייט און ניט עס לאזט זיך גערעכנט הארמאניזירען.

עס דארף אונז ניט פארדריסען וואס מיר האבען אין אונזער פאלקס־מוזיק פרעמדע ניגונים, אזוי לאנג ווי זיי פאסען זיך צו צו אונזער געשמאק און דריקען אויס אונזערע אבסטראקטע סענטימענטען. — מיר דארפען אבער לייטערען אונזער פאלקס־מוזיק פון קינסטליך ארויפגעצוואונגענע ניגונים, וואס גרייכען ניט דעם קדשי־קדשים פון דער פאלקס־נשמה.

די אידישע וועלט־אנשויאונג איז געבויעט אויף אן אבסטראקטער איין־איינציגקייט — גאט — און אונזער מוזיק איז דארום א רעליגיעזע, ווייל זי דריקט אויס דעם אבסטראקטען סענטימענט פון אונזער פאלקס־„איך".

עס איז ניט נויטיג צו זיין פרום אום צו זיין רעליגיעז; קיין באוועגונג קען ניט אפטייטען אט די באזונדערע כאראקטעריסטיק אונזערע.

ניט די היינטיגע „התקוה" איז די צוקונפטיגע הימנע פון אידישען פאלק. עס ווארט א קוואל פון רעליגיעזע מאטיווען, וואס האט זיך אנגעזאמעלט און דערהאלטען דורך טראדיציע און פון דארטען וועט דער מייסטער ארויסשעפען דעם שעהנסטען מאטיוו און באשאפען א אידישע הימנע.

זאל אונז ניט פלאגען דער פרעמדער ניגון, נאר דער פרעמדער גוסט.. מיר געפינען אין דער פרעמדער אונזערס, ווייל זיי האבען א סך א סך גענומען ביי אונז, — פיעל מעהר ווי מיר ביי זיי..

פאליטישע וואך

(שלום פון פיידוש 4)

באריכט איז נאך לעת־עתה ניט באשטעטיגט געווארען: פון די מאגערע ידיעות וואס קומען אן פון שפאניען וועגען דער „איבערקעהרעניש" אין פארטוגאל, איז קלאהר, אז דעם גענעראל־סטרייק פון די אייזענבאהן־ארבייטער זענען אויך צופעטשאנען די פאסט און טעלעגראף אנגעשטעלטע; צו אויס סימפאטיע אדער צוליעב אירגענד וועלכע אנדערע אורזאכען, קען מען דערהויל ניט וויסען, ווייל בכלל זענען די סבות פון דעם אייזענבאהן סטרייק ניט באוואוסט.

מיט דעם סטרייק פון די פאסט און טעלעגראף ארבייטער ערקלעהרט זיך טאקע דער פאקט וואס פון פארטוגאל דירעקט זענען קיינע באריכטען ניט ערהאלטען געווארען. און ס'איז מעהר. ווי זיכער, דאס אויב א סאוועטען פארם פון רעגירונג וואלט דארט פראקלאמירט געווארען וואלט די וועלט ניט געדארפט אנקומען צו מאדריד אדער טיו, נאר די ידיעה וואלט דירעקט געקומען פון ליסאבאן.

אז די געגנער פון די ארבייטער אינטערעסען ערקלעהרען אירגענד וועלכען פארזוך פון די ארבייטער צו פארבעסערען זייערע לעבענס־באדינגונגען אלס א רעוואלוציאנערען שריט, האבען מיר שאק נעזעהען די פאראנגאנגענע וואך.

אין פראנקרייך איז ערקלעהרט געווארען א באהן־סטרייק. אנגעפאנגען האט זיך דער סטרייק פון דעם וואס א באהן ארבייטער איז ענטזאגט געווארען און ער איז ניט צוריקגעשטעלט געווארען, כאטש די פעדעראציע פון די באהן ארבייטער האט עס [...] נגליך געפאדערט פון דער קאמפאניע. די באהן ארבייטער האבען דעם פאר'עקשנ'טען ארויסרוף פון דער קאמפאניע מיט רעכט אויסגעטייטשט אלס אן אנגריף אויף זייערע יוניאן־רעכטע, און נאך א לאנגער צייט פון אונטערהאנדלונגען, איז דער באהן סטרייק ערקלעהרט געווארען.

און דאך, ביי אזעלכע אומשטענדען, האט מולערא, דער פראנצויזישער פרעמיער, עפענטליך אין פארלאמענט געזאגט דאס דיעזער סטרייק איז א רעוואלוציאנערע באוועגונג. די צייטונגען האבען שוין אפילו באריכטעט, אז די פראנצויזישע באהן ארבייטער פאדערען ניט ווייניגער, ווי סאוועטען. מיר ווייסען אבער אז עס איז פון דעם גאר ניט געווארען. און ווען די פראנצויזישע רעגירונג האט באשלאסען ענדליך ניט צו שטעלען זיך לענגער אפען אויף דער זייט פון די באהן באלעבאטים, איז דער קאשמאר פון „רעוואלוציע" פון סאוועטען פארשוואונדען.

וואהרשיינליך וועט די וועלט זיך דערוויסען אין גיבען, אז די פארטוגעזישע זאוועטען רעפובליק איז אן אויסגעטראכ־

טע געשיכטע. און אפשר? שווער איז היינט צו זיין א נביא!

שפיעל צייג פאר ארץ ישראל'ער קינדער

צום ערשטען מאל וועלען היי יאהר, די אידישע קינדערלאך פון ארץ ישראל קריגען א „משלוח מנות" פון זייערע ברידערלאך אין אמעריקא. עס ווערט פאר זיי ארויסגעשיקט פון דאנען א טראנספארט שפיעל־צייג.

דער עדזיוקיישאנאל דעפארטמענט אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא, האט אויפגעפאדערט ארום הונדערט טויזענד קינדער אין די אידישע שולעס, קלאבס און אנדערע ארגאניזאציאנען איבערן לאנד, אפצוגעבען לכבוד פורים, אלע זייערע פענים פאר וועלכע עס וועט געקויפט ווערען שפיל־צייג פאר די ארץ ישראל קינדערלאך וועלכע זיינען באליבט פון דיעזען קינדערישען פארגעניגען פאר די לעצטע פאר יאהר.

ראשינסקי איבער דער אידישער פראגע

אויף א זיצונג פון דער אויסלענדישער קאמיסיע ביים פוילישען פארלאמענט, האט י. ראשינסקי, דער פיהרער פון די פוילישע סאציאליסטען, אויסגעדריקט די מיינונג, אז מען מוז אנערקענען די עקסיסטענץ פון א ספעציעלער אידישער מינאריטעט און קומען מיט איהר צו א פארשטענדניס.

די רעכטע פארטייען אין פוילען האבען שטענדיג געהאלטען, אז מען דארף די אידען פארניכטען, און זייער שטעלונג האט געפיהרט, אז אינ'ם שלום אפמאך זאלען אריינגעהן די מינאריטעט קלויזען, וועלכע וועלען זיין פאר די דאזיגע לייט א לעהרע. די סאציאליסטען האבען פרובירט זיין געגען די פונקטען, זיי האבען אבער געמוזט צוגעבען, אז זיי זענען דער דירעקטער פועל יוצא פון די אידען באפאלונגען מצד די רעכטע פארטייען.

די באמערקונגען זענען באזונדערס אינטערעסאנט מחמת דעם וואס ראשינסקי איז שטענדיג געווען א פארברענטער פרעדיגער פון אידישער אסימילאציע.

א נייע העברעאישע צוויי־וואכענשריפט אין ווין

די טעג איז אין ווין ערשינען דער ערשטער נומער פון א נייעם העבראישען צוויי־וואכענשריפט „העבודה".

דער ארגאן ווערט ארויסגעגעבען פון דער וויענער „הפועל־הצעיר" ארגאניזאציע.

MAR 12 1920
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 79 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 3c. DETROIT, MICH., Tuesday, march 9th 1920 Vol. 2, No 23 — דינסטאג מארטש 9טער 1920

אמעריקאנער רעגירונג וועט ערלויבען צו האנדלען מיט רוסלאנד

נאציאנען ליגע וועט ערוועהלען קאמיסיע קיין רוסלאנד

וואשינגטאן, מארטש 8. — ס'איז נעכטען באקאנט געווארען, דאס די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען האט פאקטיש אנגענומען א באשלוס צו ערלויבען האנדעלס באציהונגען מיט רוסלאנד, אזוי שנעל ווי די אליאירטע רעגירונגען וועלען האבען אויסגעארבייט א קלאהרען פלאן.

די לעצטע באריכטען האבען אנגעוויזען, דאס ענגלאנד און איטאליען זיינען צופריעדען צו האנדלען מיט רוסלאנד, נאר פראנקרייך האט צו דעם ניט צוגעשטימט. דער איטאליענישער פרעמיער ניטי, האט זיך אויסגעדריקט לטובת פון באנייען „נארמאלע באציהונגען מיט רוסלאנד" און אין אפיציעלע קרייזען גלויבט מען אז דאס זאל אנצייגען דעם וועג צו א קלאהרען אפמאך.

נאציאנען ליגע קומט צוזאמען 12-טען מארטש צו באהאנדלען די רוסישע פראגע.

פאריז מארטש 7 — דער אליאירטער העכסטער ראט האט ארויסגעלאזט א פארמאלען אויפרוף פאר אן אויסערגעוועהנליכער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער נאציאנען ליגע, וועלכע וועט אפגעהאלטען ווערען אין פאריז דעם 12טען מארטש; אויף דיעזער זיצונג וועט באטראכט ווערען די פראגע פון שיקען קיין רוסלאנד די אויספארשונגס קאמיסיע אונטער דעם קאנטראל פון דער נאציאנען ליגע.

—::—

לאנדאן, מארטש 7 — די קאמיסיע, וועלכע ס'וועט ערוועהלט ווערען פון דער עקזעקוטיווע פון דער נאציאנען-ליגע וועט באשטעהן פון צעהן מיטגליעדער. פראנק־לייה, ענגלאנד, יאפאן, איטאליען און בעלגיום וועלען זיין פארטראטען דורך איין דעלעגאט. די עקזעקוטיווע וועט באשליסען וועלכע פון די קליינע נאציאנען זאל זיין פארטראטען.

1,500,000 טאן ווייץ קען עקספארטירט ווערען פון דרום-רוסלאנד.

רוים, מארטש 8 — אין א ספעציעלען בולעטין ארויסגעלאזען פון דעם אינטערנאציאנאלען אגריקולטורען אינסטיטוט, ווערט געזאגט, דאס די צאהל ווייץ, וואס קען עקספארטירט ווערען פון דרום רוסלאנד איז אמווענינגסטען 1,500,000 טאן.

יאפאן ציהט צוריק איהרע סאלדאטען פון סיביר.

טאקיא, מארטש 8 — דער קאבינעט האט גוטגעהייסען דאס צוריקציהען פון סיביר די יאפאנעזישע טרופען קומענדען אפריל גלייך ווי די טשעכא-סלאוואקען וועלען אפפאהרען. ס'ווערט ערווארטעט דאס די טשעכא-סלאוואקישע ארמיי וועט דעם 20טען מארטש שוין זיין אויף איהר וועג אהיים.

אירקוטסק פארנומען פון דער רעגולער רויטער ארמיי.

לאנדאן מארטש 8 — א דראטלאזע טעלעגראמע פון מאסקווע מעלדעט דאס די רעגולערע רויטע ארמיי האט פארנומען אירקוטסק וואו מיט איניגע וואכען צוריק איז פארגעקומען א רעוואלוציע געגען קאלטשאק'ן.

איניגע מיטגליעדער פון קאלטשאק'ס רעגירונג און פיעל אקטיווע קאנטער-רעוואלוציאנערען, וועלכע זענען ארעסטירט געווארען אין אירקוטסק, ווערען איצט איבערגעפיהרט קיין אמסק, וואו זיי וועלען ווערען איבערגעגעבען צום געריכט פאר א רעוואלוציאנער טריבונאל.

—::—

נייער צאר ערקלעהרט אין טראנס-קאספישער פראווינץ.

לאנדאן מארטש 8 — פון מאסקווע איז ערהאלטען געווארען א דראטלאזע ידיעה דאס אין דער טראנס-קאספישער פראווינץ איז פראקלאמירט געווארען א נייער צאר.

—::—

טשעכען באהאנדלען אכזר'יש סיבירער קראנקע.

לאנדאן מארטש 8 — א גרופע ענגלישע אפיצערען זענען אנגעקומען אין חארבין פון אמסק און טשיטא און זיי גיבען איבער דאס זייערע ערפאהרונגען צו מערב פון אירקוטסק זענען איבערגעשטיגען אלע אנדערע שרעקליכע גרויזאמקייטען. דאס דערציעהלט דער קארעספאנדענט פון דער לאנדאנער „טיימס" פון חארבין אין א טעלעגראמע דאטירט דעם 19-טען פעב.

„הויפענס פון נאקעטע פארפראהרענע און איינגעשרומפענע קערפערס פון מענער פרויען און קינדער זיינען געווען אנגעווארפען אויף יעדער סטאנציע, ציטירט דער קארעספאנדענט די עדות-זאגען פון די אפיצערען. „די טשעכען האבען צוגענומען די לאקאמאטיווען פון די האספיטאל- צוגען איבערלאזענדיג די קראנקע אומצוקומען פון קעלט און הונגער".

אויף דעטראיטער גאסען

צוהרג'עטער קערפער פון אן אומבעקאנטען מאן געפונען הינטער אן אפארטמענט הויז

אין דער „בעק" פון אן אפארטמענט-הויז, 184 הייסטינגס - סטריט, איז נעכטען געפונען געווארען א צו'הרג'עטער קערפער פון אן אומבעקאנטען מענשען. זיין קאפ איז געווען צושפאלטען, דאס קינבאק צובראכען און דאס האלז צושניטען. ער האט אויך געהאט מעסער-שניטען אויפ'ן פנים און קערפער. דער דזשאניטאר פונ'ם בילדינג, וועלכער האט געשלאפען אין בייסמענט פון יענעם אפארטמענט, וועמעס נאמען עס איז צו דער פאליציי ניט באקאנט, ווערט יעצט ארומגעזוכט און עס איז גאנץ מעגליך, אז דער ערמארדעטער איז טאקע דער דזשעניטאר אליין.

מיס מירטעל וואקער, וועלכע וואוינט אויפ'ן ערשטען פלאר פון יענעם אפארטמענט, האט דערציעהלט, אז ארום 4 אזייגער באגינען האט א גרויסע קריגעריי אין בייסמענט איהר אויפגעוועקט פון שלאף. זי האט אנגעקלאפט מיט א טשער אויפ'ן פלאר און באלד האבען זיך די קולות און קריגערייען איינגעשטילט, און זי איז ווידער איינגעשלאפען.

פון פארשיידענע פארברעכנס סימנים וואס די פאליציי האט געפונען אויף דעם קערפער פון דעם ערמארדעטען, און פון בלוט - שפורען ארום „פארנייס", דרינגט די פאליציי, אז די מערדער האבען געזוכט צו פארברענען דעם קערפער.

שכנים דערציעהלען, אז דער בייסמענט איז לעצטענס געווען א קלייזעל פון אפיום רויכערער. אלע סמנים ווייזען, אז דער ערמארדעטער אליין האט קיין שעדליכע „דראגס" ניט באנוצט, ווייל ער איז געווען שטארק געבויט און פיזיש שטארק. ער איז געווען 5 פוס און 9 אינטשעס הויך און געוואויגען 160 פונט. מען גלויבט אז דער ערמארדעטער איז געווען א איטאליענער.

12 יאהריגער באנדיטעל בארויבט א פרוי אין מיטען טאג.

אין דעטראיט האט זיך לעצטענס באוויזען א באנדיטעל, 12 יאהר אלט, וועלכער ווייזט ארויס פונקט אזא גרויסע פעהיגקייט ווי די גרויסע.

ניט נאר האט דאס דאזיגע „יאטעל" בארויבט קינדער פון זיין עלטער, נאר האט באוויזען לעצטען שבת צו בארויבען א צעהן דאלאר ביל פון מערי ליווערנאיז, 727 דזשאנקשאן עוו.

דאס דאזיגע איינגעל ווערט יעצט שטארק ארומגעזוכט פון דער פאליציי.

גנבים גזלנים און רויבער

דריי באוואפענטע באנדיטען, האבען שבת אוונט געמאכט א „האלד אפ" אויף א געוויסע מרס. אודווין לעווין, פון 16 סמיטה עוו., און פון איהר גערויבט $50.

זונטאג ביינאכט האבען זיך גנבים אריינגעגאבט, דורך אן אפענע קיך-פענסטער. אין הויז פון בען האפטין, 726 העלען עוו., און גערויבט דזשועלרי און גלאז אויף דעם ווערט פון $435.

אין דער זעלבער צייט האבען באנדיטען אויפגעבראכען א פענסטער אין הויז פון טשארלס רינקע, 946 קענטאן עוו., און ארויסגע'גנב'עט דאס גאנצע דזשועלרי וואס די פאמיליע האט פארמאגט.

זונטאג ביי-טאג איז אויסגעבראכען געווארען א פענסטער פון דזשועלרי און הענרי'ס סטאר, 85 מישיגען עוו. און א „פאר - קאוט" האט די ווערטה $150 איז ארויסגעלקח'נט געווארען.

3 באנדיטען בארויבען מיילס טעאטער אויף $5,200.

נעכטען פאר צוועלף א זייגער האבען דריי באוואפענטע באנדיטען זיך אריינגעריסען אין ביזנעס - אפיס פון מיילס טעאטער, געמאכט א „האלד - אפ" אויף דער קעשיערין, מרס. מערי פ. ריען, בארויבט $5'200 פון דער קאסע און גע-מאכט א „ויברח".

געקומען זיינען די באנדיטען אין א פארד-טראק, וואס זיי האבען גע'לקח'ענט פון אן אלטע נעבען 427 וואודוואארד עוו.

איידער די באנדיטען זיינען אריין אין קאסע - צימער האט מרס. ריען דאס געלט אריינגעלעגט אין א בייטעל, אום אפצוטראגען עס אין באנק. די בארויבטע סומע איז געווען די איינגאהמע אין פארלויף פון שבת און זונטאג.

ווען די באנדיטען האבען זיך אריינגעריסען אין אפיס, איז אויסער מיס ריען דארטען קיינער ניט געווען.

אריין זיינען זיי כלומרשט מיט אן אנשטעל אז זיי ווילען דזשאבס אלס אשערס. „איהר וועט ווענען דעם דארפען זעהען דער מענעדזשער אז ער איז יעצט דא נישטא", האט מיס ריען זיי געענטפערט.

באלד האבען די באנדיטען זיך ארומגעזעהען, אז אין אפיס איז קיינער נישטא, האבען זיי אנגעצילט געגען איהר רעוואלווערן, און אפגעזאגט דעם באוואוסטען פסוק: „מאני אר לייף".

מיס ריען האט באלד ארויסגענומען צוויי ארמע - רעוואלווערן און געצילט געגען די באנדיטען, אבער זי איז ניט געווען שטארק גענוג אויסצושיסען.

איינער פון די באנדיטען האט איהר באלד דערלאנגט מיט דער הענטעל פון רעוואלווער איבער'ן קאפ, און דערווייל האבען די אנדערע צוויי צורעכט געמאכט די קעש.

פאלט ארונטער פון 11טען שטאק און ווערט דער'הרג'עט

טשארלס ראדזשערס, 34 יאהר אלט, אן איינוואוינער פון סט. לואיס, איז נעכטען אראפגעשפרונגען אדער אראפגעפאלען פון 11-טען פלאר, האטעל טולער און גלייך דער'הרג'עט געווארען.

די אורזאכע פונ'ם פאל איז דערווייל א געהיימניס. אויפ'ן טיש פון דעם צימער וואו ראדזשערס איז איינגעשטאנען, האט מען געפונען א ביבעל, אויפגעמישט ביי'ם 33-טען קאפיטעל, פון בראשית, וואו עס רעדט זיך וועגען אברהם'ס איינקויפען די מערת המכפלה.

מען דענקט, אז ראדזשערס האט פאר'ן ענדיגען זיין לעבען, אויב ער איז בכיון אראפגעשפרונגען פון פענסטער געלייענט דעם דאזיגען קאפיטעל, וואו עס רעדט זיך וועגען טויט און קבורה.

ראדזשערס איז געווען דער פארוואלטער פונ'ם סט. לואיס'ער בראנטש פון דער פעדעראל קעזשועלטי קא. דער פרעזידענט פון דער קאמפאניע, מר. ווינסענט קליף פון דעטראיט, האט ערקלעהרט, אז ער ווייסט ניט פון קיין אורזאכע, ווארום ראדזשערס איז פלוצלונג געקומען אין דעטראיט. ער האט פרייטאג באזוכט די אפיסעס פון דער קאמפאניע, פארבראכט מיט די אנגעשטעלטע, אבער עס האט זיך געמערקט, אז קיין ספעציעלע ביזנעס-אויסגאבע האט ער מיט זיין קומען אהער ניט געהאט. ער איז געווען בלויז א פאר מאנאטען אנגעשטעלט פון דער קאמפאניע און קיין גרויסע ידיעה פון זיין כאראקטער האבען די היגע באאמטע פון דיזער קאמפאניע ניט געהאט.

אין די קעשענעס פונ'ם פארשטארבענעם האט מען געפונען א ניט-געענדיגטען בריעף, אדרעסירט „צו מיין טייערען זוהן א. ו. פרענק סט. לואיס". אינ'ם בריעף איז דער שרייבער מודיע, אז ער האט דורכגעמאכט אן אנגענעהמע רייזע און ער ווארנט זיין זוהן, ווי א פראקטישער ביזנעסמאן, ער זאל זיך א נעהר טאן צו געשעפט און ניט ווארטען אויף ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע פראספעקטען. דער טאן פון דעם בריעף איז ווי פון א טיפישען „סעלף מייד מען" צו זיינעם א זוהן.

די אנגעשטעלטע פון האטעל דערציעהלען, אז ער האט זונטאג 2 אזייגער פאר-טאג ארומגעשפאצירט אין דער לאבי שטארק פארזארגט און צובראכען. דער טויטער קערפער איז נעכטען באגינען דערזעהן געווארען פון אן אויטאמאביל דרייווער, וועלכער האט באלד באריכטעט צו דער פאליציי. אז „א טויט שכור'ער מאן ליעגט נעבען האטעל טולער, שטארק צובלוטיגט". עס איז איהם לכתחילה גאר ניט איינגעפאלען, אז דער מאן איז טויט.

זיין פרוי ווייס פון גארניט.

סט. לואיס, מא., מערץ 8. — טשארלס נ. ראדזשערס האט געוואוינט מיט זיין פרוי מארגארעט אין 1109 וועלטאן עוו. זיי האבען געהייראט מיט 9 יאהר צוריק.

עס איז דארום ניט קלאהר, ווי עס קומט צו ראדזשערס'ען אזא גרויסער זוהן, וועלכער איז שוין רייף אריינצוגעהן אין ביזנעס. עס קאן זיך לייכט מאכען, אז ער איז ניט געווען אין גאנצען ביים קלאהרען פארשטאנד די לעצטע עטליכע שטונדען פון זיין לעבען, און דאס האט איהם מעגליך געפיהרט צו דער שרעקליכער טאט.

ראדזשערס'עס פרוי און באקאנטע, האבען ערקלעהרט, אז זיי וויסען ניט פון קיין באזונדערע געשעפטס, אדער פאמיליען טראבעל, וואס זאלען איהם האבען געטריבען צו ענדיגען זיין לעבען אויף אזא שווידערליכען אופן.

היגער ארבייטער פיהרער געגען לייבאר פארטיי

אין א רעדע, וואס דזשאהן פ. פרעי דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל מאלדערס יוניאן האט געהאלטען לעצטען זונטאג ביי'ם סענטראל האי סקוהל, האט ער זיך אויסגעדריקט געגען דעם געדאנק פון א זעלבסטשטענדיגער לייבאר פארטי ווייל דאס איז, לויט זיין מיינונג געגען די טראדיציעס פון אמעריקאנער דעמאקראטיע.

„די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר" — האט מר. פרעי געזאגט — איז אלע מאל געווען געגען דער גרינדונג פון א לייבאר פארטי ווייל עס איז ניטא קיין פלאץ אין די פאראייניגטע שטאטען פאר א פארטיי פון איין קלאס.

ערפאהרונג האט געוויזען, אז ארבייטער קענען קריגען א פיעל גינסטיגערע געזעצגעבונג, ווען זיי העלפען ערוועהלען זייערע פריינד".

נאטירליך זיינען שוין איצט פאראן אין דיעזען לאנד א סך ארבייטער וואס זיינען ניט איינשטימיג מיט מר. פרעי'ס מיינונגען און זאגאר די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר איז שוין פיעל ווייטער אוועק פון דעם שטאנדפונקט אויף וועלכען ער שטעהט נאך.

וואס אנבעלאנגט אבער די פראגע פון „קאלעקטיוו בארגעינינג" איז שוין מר. פרעי געניגט צו מאכען א שטיקעל קאמפראמיס. ער האט געזאגט:

— די אמעריקאנער טרייד יוניאנס זיינען אמאל געווען געגען „קאלעקטיוו בארגעינינג" ווייל די באלעבאטים האבען דיקטירט די בארגעינס. אבער יעצט גלויבען מיר אין דעם ווייל מיר האבען אויסגעפונען אז געמיינשאפטליכע דורכלויפערונג פון מיספארשטענדנישען ברענגט אלע מאל צו א פארשטענדניש. פאראן מענשען וואס גלויבען אז דער שטאאט דארף איבערנעהמען די דאזיגע ארבייט זיי ווילען אלע פראבלעמען איבערגעבען צו דער רעגירונג. אבער מיר גלויבען אז עס איז א געפאהר צו האבען איבער זיך צופיעל רעגירונג.

רעדענדיג וועגען דעם הויכען קאסט פון לעבענס-מיטלען, האט מר. פרעי אפגעלייקענט די באהויפטונג אז גרויסע ווירדזשעס באשאפען דעם יקרות. ער האט אנגעוויזען אויף א רעגירונגס-רעפארט, וואס באווייזט אז בעת ווידזשעס זענען זינט 1914 געהעכערט געווארען ביז 55 פראצענט איז דער אלגעמיינער קאסט פון לעבענס-מיטלען געשטיגען אויף 84 פראצענט. דער פרייז פון קליידער — אויף 125 פראצענט און מעבעל — ביז 131 פראצענט.

צום מיטגלידער קאמפיין פון פיפעלס רעליעף

דער נאציאנאלער מיטגליעדער קאמפיין פון דער פיפעלס רעליעף פון אמעריקא, וועלכער ווערט דורכגעפירט איבער'ן גאנצען לאנד, פאנגט זיך אן אין דעטראיט דעם קומענדען זונטאג, דעם 14-טען מארטש.

אלע פארבערייטונגען זענען שוין געמאכט געווארען צו דיעזען קאמפיין. די קאמיטעס זענען שוין ערוועהלט. ס'איז צו האפען, דאס קיין איין איד אין דעטראיט וועט זיך ניט ענטזאגען פון צו ווערען א מיטגליעד פון דער פאלקס-הילף ארגאניזאציע און צוטראגען זיין בייזשטייערונג פאר די מלחמה קרבנות. יעדער איד ווייס די נויט פון די אידישע ליידענדע אויף יענער זייט ים. באזונדערס איז איצט וויכטיג צו טאן ממשות'דיגע הילף פאר די קליינינקע יתומים'לאך, וועמענס עלטערען זענען אומגעקומען דורך דער מלחמה און די שרעקליכע פאגראמען.

די פיפעל'ס רעליעף האפט צו שאפען אמווענינגסטען 25,000 מיטגליעדער, אינ'ם פארלויף פון דעם קומענדען קאמפיין, און ס'וועט ניט זיין קיין איבערראשונג, אויב די רייכע אידישע דעטראיט, וועט דיעזע צאהל פארדאפלען, און די היגע פיפעל'ס רעליעף וועט צוקריגען 50,000 מיטגלידער.

„ספעציאל פאר'ן „וועג"

די לעזער פון „וועג" האבען מסתמא באמערקט אז איבער די ארטיקלען וואס זיינען געדרוקט געווען אין „וועג" זייט די לעצטע פאר חדשים פלעגט שטעהן א קליינע שורה: „ספעציעל פאר'ן וועג." דאס האבען מיר געטאן דערפאר ווייל זינט אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין האט איבערגענומען די רעדאקציע האט ער באשטעלט אין ניוארק און אנדערע גרויסע צענטערן און אויך אין אויסלאנד מיטארבייטער.

די לעזער אבער פון דער פראווינץ זיינען נישט געוועהנט געווען צו טעגליכע פראווינץ צייטונגען וואס זאלען אויסבעטן זיין מיט ארטיקלען, סקיצען און לידער ספעציעל געשריבען פאר דער צייטונג. האבען מיר דארום מיט דער דאזיגער שורה (ספעציעל פאר'ן „וועג") איבערצייגט די לעזער אז אונזער צייטונג האט זיך מיט'ן אנקום פון אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין געשטעלט די אויפגאבע נישט אויסצופילען די שפאלטען פון דער צייטונג מיט פרעמדע, איבערגעדרוקטע ארטיקלען. אין „וועג" באטייליגען זיך אנערקענטע פובליציסטען, הומאריסטען, פעליטאניסטען און פאעטען; דער „וועג" האט קארעספאנדענטען אין אויסלאנד און אין ניוארק; דער „וועג" לאזט נישט פארביי קיין איין וויכטיגע געשעהניש און פאסירונג אין דעטראיט; יעדע אידישע פאסירונג ווערט נישט נאר געמעלדעט, נאר אויך באלויכטען און ארומגערעדט עדיטאריעל אדער אין אן ארטיקעל; יעדע ארגאניזאציע, פאראיין אדער סאסייעטי געפינט נישט נאר פלאץ פאר איהרע באריכטען, נאר א פלאץ פאר אגיטאציע פראפאגאנדא, אדער לענגערע ערקלעהרונג וועלכע העלפט דער פאפולאריטעט פון פאראיין און צו איהרע ערפאלגען.

מיט איין ווארט דער „וועג" באמיהט זיך צו זיין דאס וואס איהר רעדאקטאר האט פארשפראכען: — א ריינע און אנשטענדיגע דעטראיט'ער טאג-צייטונג.

דאס מענעדזשמענט.

שלאכט צווישען עלייעס און טערקישע סאלדאטען אין קאנסטאנטינאפאל

לאנדאן מארטש 8 — אן אפיציעלער באריכט גיט איבער, דאס אין דער טערקישער הויפט שטאדט איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען די אליאירטע און טערקישע טרופען, און אז קריגס-צושטאנד איז דארט ערקלעהרט געווארען.

צוואנציג טויזענד ענגלישע, פראנצויזישע און איטאליענישע סאלדאטען האבען געמאכט „א ריעזיגע דעמאנסטראציע". די טערקען האבען זיך געשטעלט און א שלאכט האט [illegible] זאגט דער באריכט. [illegible] פון די קרבנות זיינען [illegible] געווארען.

ענגלישע און איטאליענישע פארשטארקונגען וועלכע זיינען אויפ'ן וועג צו קאנסטאנטינאפאל, וועלען פארגרעסערען די אליאירטע גאריזאנען ביז 50 טויזענט מאן.

די אורזאכע פון דער מיליטערישער דעמאנסטראציע

דאס פארגעשלאגענע מיליטערישע פארנעהמען פון קאנסטאנטינאפאל דורך די עלייעס מיינט, ווי עס ווערט איבערגעגעבען אויסצואיבען א דרוק אויף טערקיי, דאס די וועלט וועט ניט דערלאזען מערדעריען, ווי די וועלכע זענען פארגעקומען לעצטען מאנאט אין ציליציע אויף די ארמענער. אזוי ווי ערטערליכע דראהונגען וואס זענען ארויסגעשיקט געווארען צו טערקיי פון דער שלום - קאנפערענץ האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין ניט ערפאלגרייך, האבען די עלייעס באשלאסען צו מאכען א מיליטערישע דעמאנסטראציע אין קאנסטאנטינאפאל.

—::—

250 באנדיטען ארעסטירט אין 8 איבערפאלען

[illegible]ס רעזולטאט פון אן איבערפאל, וואס די פאליציי האט שבת, שפעט ביינאכט און זונטאג אין דער פריה געמאכט אויף אכט פארשיידענע הייזער, זיינען ארעסטירט געווארען 250 באנדיטען און פארכאפט א גרויסע צאהל געמבלינג מאשינען, און א גאנצען „ווערקשטאט" מיט באנדיטישע געצייג.

18 חברה לייט זיינען ארעסטירט געווארען אין 50 סטייט. די קלוב רומס אין 280 סט. ענטווין סט., זיינען צוויי מאל באפאלען געווארען און 89 מענער זענען ארעסטירט געווארען. צעהן זיינען ארעסטירט געווארען אין בייסמענט פון 158 רענדאלף סט., וואס געפינט זיך פונקט קעגענאיבער דער הויפט - קווארטיר פון דער פאליציי, און נאך 18 זיינען געכאפט געווארען אין ביליארד פארלאר, אויף היי סטריט און קעסס עוו.

צוויי מאל איז באפאלען געווארען א ביליארד צימער אין 46 מאנראו, עוו. און 64 מענער זיינען ארעסטירט געווארען, און א צווייטען ביליארד-צימער, 224 רענדאלף סטריט זיינען ארעסטירט געווארען 24 חברה לייט.

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

פארשטעהט זיך אז זי האט איצטער אויך באקומען ניי מעקלעריי פון ביידע צדדים און איז געוועזען זעהר צופרידען.

ווי די בעל בית'טע האט לאה'ן גע־האלטען פאר דער ערגסטער דיענסט פון דער גאנצער וועלט, פון דעסטוועגען, האט די „פליישינע" פון טאג אויף טאג ערוואר־טעט לאה זאל קומען צו איהר, נאר לאה איז שוין מעהר צו איהר ניט געקומען, ווי גלייך זי איז אין וואסער אריין.

— זי איז נאך א פנים א נאר, האט די פליישינע געטראכט וועגען לאה'ן, זי מיינט אז דערפאר וואס די בעל בית'טע האט זי ארויסגעטריבען פארוואס זי האט געהאט געשעפטען מיט דעם בעלבית, וועל איך זי שוין מעהר אין שטוב נישט אריינ־לאזען און האט שוין מורא צו קומען! זי איז נאך גאר א נאר, איך וואלט פאר איהר געקענט קריגען א שטעלע. אין וואס פאר א באלעבאטיש הויז טרעפען זיך ניט אזוינע מעשיות?...

14

הערר לעדערבארג עט קאמפ.

כמעט אלע הייזער אין אדעס זענען געבויט אין 2 אדער 3 שטאק. א הויז אין איין שטאק דארף מען זוכען ווי מיט ליכט. און אויב איהר וועט יא טרעפען אזא הויז, איז דאס געוויס איין אלט הויז, וואס איז נאך איבערגעבליבען פון איין אלטע באלעבאס פון דער אלטער אדע, פון דער אלטער וועלט. און עס האט זיך נאך געפונען א נייער מיט וואר־רימע קעשענעס וואס זאל אויף דעם ארט אויפשטעלען א ניי הויז פון דריי אדער פון 4 שטאק.

נאר איין איינציגע גאס איז דא אין אדעס מיט דעם נאמען קאנאטנע וואו מען קען באגעגענען אויף יעדען שריט קליינע הייזעלעך אין איין שטאק און ניט אנדערש נעבען יעדען שטיבעל עט־ליכע ביימלאך מיט א שטיקל גארטען. די שטיבלעך זענען ניט איבערגעבליבען פון דער אלטער וועלט, זיי ווארטען ניט אויף א נייעם באלעבאס ער זאל זיי איבערבוי־גן אויף איין ארעסער גרויסער הויז. די־ניבדעריגע הייזלאך בייעט מען נאך איצ־טער אויף דער גאס, די גאנצע גאס איז ניט לאנג אויסגעבויט געווארען.

די הייזלאך פון דער גאס האבען מער אפנים פון דאטשעס אידער פון שטאדט הייזער, דא וואהנען מענשען רוהיגע, פאר זיכערטע. זיי דארפען זעלטען אין שטאדט הויז איינצוקויפען עפעס נייעס פון דער נייעסטער מאדע, אדער אין טהעאטער אריין א. ז. וו.

די ארסער איינוואהנער וואס זענען שטענדיג געוואהנט מיט דעם גרויסען רעש פון דער גרייסער שטאדט, האבען זעהר ליעב די שטילע גאס, נאר פארשטעהט זיך ניט יעדער איז אין שטאנד דא צו וואוינען, פארלירען א האלבע שעה צייט פאהרען מיט דער קאנקע אין שטאדט און צוריק עטליכע מאל אין טאג, דער גע־מיינער מענש לעבט פון דער גאס, פון דער שטאדט — מוז ער וואהנען אין שטאט

איך וועל ניט זאגען אז אויף דער קא־נאטנע וואהנען גאנץ רייכע, פאר רייכע זו אין אדעס דא פיעל שעהנערע גאסען, ווי די בולווארנע, א. ז. וו. וואו עס איז זייטער גאר ניט פקוטשנע צו וואהנען און איך זמר פאהרען. זיי ארים גאר ווייט פון דער שטאדט אויף די דאטשעס אדער קיין אויסלאנד.

אויף דער קאנאטנע וואהנען מענשען פון מיטעלען שטאנד, אדער ווי איך האב שוין פריהער געזאגט: מענשען וואס זע־נען רוהיג און פארזיכערט מיט דעם לע־בען! ד. ה. אזוינע וואס עס קומט זיי ניט אן אזוי שווער די פרנסה, דער האט געלד אויף פראצענט, דער האט אין שטאדט א

הויז וואס הארעוועט פאר איהם און דער וואס עס קומען איהם אן גרינג קערבלעך.

אזא באלעבאס וואס פארדיענט גרינג קערבלעך, טאקע אונזערער איין אלטער באקאנטער וואהנט אויף דער קא־נאטנע, ער מיט זיין פאמיליע פארנעמען א באזונדער הויפעל אין אין שטאק פון אכט צימער, נעבען הויף עטליכע ביימהעך דאס קליינע שטיקעל גארטען איז ארומגע גראבען פארפוצט מיט אלערליי פיגורען און פארוואקסען מיט רויזען, דער נידערי־גער פארקען אבגעפארבט, דאס אלעס גיט צו זעהר א גרויס שעהנקייט דעם קליינעם שטיבעל.

דער הדרבנעהער וואס באמערקט דאס שטיבעל טראכט זיך געוויס אז דא וואהנט א גליקליכע פאמיליע.

צו דער פארענדיגער טיר איז מיט 4 מעשענע צועקליך צוגעקלאפט א מעשענע ברעטער מיט אויסגעקריצטע בוכשטאבען און יעדער קאן איבערלייענען אויף רוסיש „לעאן באריסאוויטש לאדערבערג".

מיט וואס פארנעהמט זיך ה' לעדער־בארג? וואס זענען זיינע געשעפטען? און וואס פארדיענט ער זיין פרנסה? אויף די אלע פראגען וועט איך קיינער ניט ענט־פערען, ווארום קיינער, אפילו זיין אייגע־נע פרוי, ווייסט איך ניט, חוץ נאר דיא צייט וואס האנדלען מי טאיהם.



ווילט איהר סיוועו 30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס — דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז קעש אדער קרעדיט

1985 מעלראוז — 638 גראטיאט עוו.

דער באוואוסטער ה'

ל. ד. רייבלין

פון אהבת אחים שוהל

(אוקלאנד)

נעהמט אן סדור קדושין

אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע צופרידענהייט.

5?1 קעמעראן עוועניו

טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

אוקלאנדער אידען

פיקסען זייערע

ציינער

ביי

Dr. H. Goodman

דענטיסט

געמופט פון 427 וואודווארד

737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע־... נאר פון ריינער האוואנא. ... ריינט א דוראנד. איהר וועט ... ניט הבאען. פאדערט דו־... ראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CIGAR MFG. CO

געמאכט אין דעטראיט.

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ...ווא קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטארס.

רעלייבל סטאר פיקטשור קא.

305 גרעשיאט עוועניו

טעל. קאדילאק 2445

277 מישיגאן עוועניו

טעל. קאדילאק 4924 עם.

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.

Boulevard Near Oakland

I. Sarver

קאנטראקטאר פאר

פיינטינג, פייפער הענגינג דעקארייטער און פלאסטערער

137 ליווינגסטאן

גוטע ארבייט און ביליג.

שבת און יום טוב געשלאסען.

ווילט איהר אייערע

שלעסער, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע

ארבייט

גוט געמאכט און גאראנטירט?

טו קומט צו

מ. ד א מ נ י ט ץ

245 מאנטקאלסט.

דר. ה. סטאריקאף

ד ע נ ט י ס ט

דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

דזשולערי סייל

אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע

זייגערס.

מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנט קע מיט און אהן שטיינער.

רינגען

גאלדענע בראוטשעס מיט אמתע קעמיאס ספעציעלע בילינע פרייזען אויף אראנזיס, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע

קדושין רינגלאך

גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען

The Boston Wholesale Jewelers

169 Griswold Street

3טער פלאר, נעמט דעם עלעווייטער.

C. W. Kotcher Lumber Co.

ברעטער אלערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער מוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves

Melrose 3390

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!

— די —

סטענדערד בארעל קא.

האט געמופט דעם אפיס אין

52 נאפאלעאן סט.

טעל. טשערי 8158

מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באעלס.

דוד האפמאן, מענעדזשער

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.

596 הייסטינגס סט., קאר. בענטאן

סוטס, קאוטס, דזשעקעטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.

אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע־נסטע אין שטאדט.

פ. בונין, פראפ.

פארלאנגט אגענטען אנצונעמען סוב־סקרייבער פאר'ן „וועג". ליבע־ראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגט אין אפיס פון „וועג".

קאסטעלאן און קאטליער'ס

האלסייל און ריטייל

דריי גודס, מענס און לידיס פורנישינגס, נאטי גודס א. ז. וו

454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman

296 הענקאק עוו. איסט

טשערי 1472 מעלראוז 3595 דאבעליו

באזארגט זיך גלייך מיט אש און גאר־בעדזש, סעמענט רעספעקטיקעלס, ווייל פון 1־טען מארטש ווערט די פרייז געהע־כערט

ווארט ניט ביז די באארד אוו העלט וועט אייך באדערען.



JUDGE GAINEY

HAVANA

CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 1170

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען

פאר דיימאנדס און אלערליי דזשולערי

צאהלט

The Boston Refiners

169 Griswold St.

3rd floor take Elevator

לענדלארדס אויפמערקזאם!

מיר פארלאנגען הייזער צו פארקויפען רענטען אדער ליסען. מיר שטעלען צופרידען. רופט טשערי 8054, 481 ענטוויין סטריט.

הערריס און לואיס

דיעל עסטייט עקספערטס

פארלאנגט א מיידעל אדער פרוי פאר הויז ארבייט. גו טנעצאהלט צו דער ריכטיגער פערזאן. 127 לעדיארד סט. טעל. גלענדייל 1304 (11

איין אנפאנגער פידעל צו פארקויפען זעהר ביליג. ביי ב. וואלדמאן, 856 הייסטינגס, קאר. גארפיעלד. (11

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער מענש וועט קריגען לט באצאלט, זיך ווענדען צום סופעראינטענדענט מר. איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנ־צע וואך.

ה א ל ס

צו פארענטען. אין אידישען אר־בייטער אינסטיטוט

— 204 הענקאק איסט —

פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־טערארישע אווענטען קאנצער־טען, פארטיעס און חתונות.

ביליגע פרייזען.

פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.

מ. שטארק.

שעכטער'ס דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.

טעלעפאן, טשערי 5763

פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

אונגארישער כשר רעסטאראן

בעסטע אונגארישע מאכלים;

דזשיי סיגעל און באדשי

אייגענטהימער

337 הייסטינגס סט.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס

ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס

מאקס ראזינסקי

353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אינערליכע וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן גערט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהמט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט

I. Frosh O. D.

אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער העלליק'ס דזשולערי סטאר.

קויפט וואו אלע קויפען גודס,פענסי דריי גודס, קויר־טענס, קוילטס, בלענ־קעטס, בעסטע ברענד אנדערוועהר

ספעשעל רעדאקשאן פאר פעברואר!

מאכט־קין מיסטייק!

Philadelphia Dress and Dry Goods Co.

671 Hastings Street

Cor. Livingstone

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין

חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט

טעלעפאן, מעין 4420

האט איר ריעל עסטייט צו פארקויפען?

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפען פאר דער העכסטער פרייז דורך די „צו פארקויפען" אדס פון „וועג"

Phone Main 3715

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דיימאנדס און אלערליי דזשועלרי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

לענדלארדס אויפמערקזאם!
מיר פארלאנגען הייזער צו פארקויפען רענטען אדער ליסען. מיר שטעלען צופריעדען. רופט טשערי 8054, 481 ענטוויין סטריט.
הערדים און לאוים
ריעל עסטייט עקסטשיינדש

פארדאנגט א מיידעל אדער פרוי פאר הויז ארבייט. גו טנעצאהלט צו דער ריכטיגער פערזאן. 127 לעדיארד סט.
טעל. גלענדייל 1304 (11

איין אנפאנגער פידעל צו פארקויפען זעהר ביליג. ביי ב. וואלדמאן, 856 הייסטינגס, קאר. גארפיעלד (11

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער מענש וועט קריגען גוט באצאלט, זיך ווענדען צום סופעראינטענדענט מר. איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנ־צע וואך.

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר־בייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־טעראדישע אווענטען קאנצער־טען, פארטיעס און חתונות. ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
פ. שטארק.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיר
די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עקרליך'ס דזשועלרי סטאר.

קויפט וואו אלע קויפען
גודס,פענסי דריי גודס, קויר־טענס, קווילטס, בלענ־קעטס, בעסטע ברענד
אונדערוועדער
ספעשעל רעדאקשאן פאר פעברואר!
מאכט קיין מיסטייק!
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

דזשועלערי סייל
אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע
זייגערס
מענער און פרויען גאלדענע אלערלאנטיקע מיט און אהן שטיינער.
רינגען
גאלדענע בראטשעס מיט אמתע קעמאס. ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף: אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע
קדושין רינגלאך
גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען
The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויטער.

C. W. Kotcher
Lumber Co.
ברעטער אלערליי צו
יעדער צייט
בילינע פרייזען און גוטע
בעהאנדלונג דאס איז
אונזער מוקסעס
Cor. Gratiot and St. Aubin Aves
Melrose 3390

צו אלע דעטראיטער פעדלערס
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר
אלערליי באעלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
506 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דרעסענטס
פורנישינג, העטס, יאנג מענס
און בויס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע
סיגסטע אין שטאדט.
פ. בוגין. פראפ.

פארלאנגט אגענטען סוב־סקרייבער פאר'ן „וועג". ליבע־ראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג".

קאסעלאוו און קאטליערס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נאטיס גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 2595 דאבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט איש און גאר־בעדזש, סעמענט רעספעטיקעלס, ווייל פון 1טען מארט'ש ווערט די פרייז געהע־כערט
ווארט ניט ביז די באארד און העלט וועט אייך בארערען.

JUDGE GAINEY
HAVANA
CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

עניים ואביונים
אדער גליקליכע און אומגליקליכע
ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

פארשטעהט זיך אז זי האט איצטער אויך באקומען ניי מעקלערוי פון ביידע צדדים און איז געוועזען זעהר צופרידען.

ווי די בעל בית'טע האט לאה'ן נעהאלטען פאר דער ערגסטער דינסט פון דער גאנצער וועלט, פון דעסטוועגען, האט די „פליישיגע" פון טאג אויף טאג ערווארטעט לאה זאל קומען צו איהר, נאר לאה איז שוין מעהר צו איהר ניט געקומען, ווי גלייך זי איז אין וואסער אריין.

— זי איז נאך א פנים א נאר, האט די פליישיגע געטראכט וועגען לאה'ן, זי מיינט אז דערפאר וואס די בעל בית'טע האט זי ארויסגעטריבען פארוואס זי האט געהאט געשעפטען מיט דעם בעלבית, וועל איך זי שוין מעהר אין שטוב נישט אריינלאזען און האט שוין מורא צו קומען! זי איז נאך גאר א נאר, איך וואלט פאר איהר געקענט קריגען א שטעלע. און וואס פאר א באלעבאטיש הויז טרעפען זיך ניט אזוינע מעשיות?

14

הערר לעדערפארג עט קאמפ.

כמעט אלע הייזער אין ארעם זענען געבויט אין 2 אדער 3 שטאק. א הויז אין איין שטאק דארף מען זוכען ווי מיט ליכט, און אויב איהר וועט יא טרעפען אזא הויז, איז דאס געוויס איין אלט הויז, וואס איז נאך איבערגעבליבען פון איין אלטע באלעבאס פון דער אלטער מארע, פון דער אלטער וועלט, און עס האט זיך נאך געפונען א נייער מיט ווארימע קעשענעס וואס זאל אויף דעם ארט אויפשטעלען א נייע הויז פון דריי אדער פון 4 שטאק.

נאר איין איינציגע גאס איז דא אין ארעם מיט דעם נאמען קאנאטנע וואו מען קען באגעגענען אויף יעדען שריט הייניגע הייזעלעך אין איין שטאק און ניט אנדערש געבען יעדען שטיבעל עטליכע ביימעלאך מיט א שטיקל גארטען, די שטיבלעך זענען ניט איבערגעבליבען פון דער אלטער וועלט, זיי ווארטען ניט אויף א נייעם באלעבאס ער זאל זיי איבערבויען אויף איין ארעסער גרויסער הויז. די נידעריגע הייזלאך בויעט מען נאך איצטער אויף דער גאס, די גאנצע גאס איז ניט לאנג אויסגעבויט געווארען.

די הייזלאך פון דער גאס האבען מער אפנים פון דאטשעס איידער פון שטאדט־הייזער, דא וואהנען מענשען רוהיגע, פארליבערטע. זיי דארפען וועלטען אין שטאדט היין איינצוקויפען עפעס נייעס פון דער נייעסטער מארע, אדער אין טהעאטער אריין א. ז. וו.

די ארעסער־איינוואהנער וואס זענען שטענדיג געוואהנט מיט דעם גרויסען רעש פון דער גרייסער שטאדט, האבען זעהר ליעב די שטילע גאס, נאר פארשטעהט זיך ניט יעדער איז אין שטאנד דא צו וואוינען, פארלירען א האלבע שעה צייט פאהרען מיט דער קאנקע אין שטאדט און צוריק עטליכע מאל אין טאג. דער געוויינער מענש לעבט פון דער גאס, פון דער שטאדט — מוז ער וואהנען אין שטאט.

איך וועל ניט זאגען אז אויף דער קאנאטנע וואהנען גאנץ רייכע, פאר רייכע ג ז אין ארעם דא פיעל שעהנערע גאסען, ווי די בולווארנע, א. ז. וו. וואו עס איז ...נער גאר ניט סקוטשנע צו וואהנען און איך זמר פאהרען זיי ארים גאר ווייט פון דער שטאדט אויף די דאטשעס אדער קיין אייסלאנד.

אויף דער קאנאטנע וואהנען מענשען פון מיטעלען שטאנד, אדער ווי איך האב שוין פריהער געזאגט: מענשען וואס זענען רוהיג און פארזיכערט מיט דעם לעבען! ד. ה. אזוינע וואס עס קומט זיי ניט אן אזוי שווער די פרנסה, דער האט געלד אויף פראצענט, דער האט אין שטאדט א

הויז וואס הארעוועט פאר איהם און דער וואס עס קומט איהם אן גרינג קערבלעך.

אזא באלעבאס וואס פארדיענט גרינג קערבלעך, טאקע אונזערער איין אלטער באקאנטער וואהנט אויף אויף דער קאנאטנע. ער מיט זיין פאמיליע פארנעמען א באזונדער הויפעל אין איין שטאק פון אכט צימער, נעבען הויף עטליכע ביימעלעך דאס קליינע שטיקעל גארטען איז ארומגעגראבען פארפוצט מיט אלערליי פיגורען און פארקאקסען מיט רויזען. דער נידעריגער פארקען אבגעפארבט, דאס אלעס גיט צו זעהר א גרויס שעהנקייט דעם קליינעם שטיבעל.

דער דורכגעהער וואס באמערקט דאס שטיבעל טראכט זיך געוויס אז דא וואהנט א גליקליכע פאמיליע.

צו דער פארדערגיינער טיר איז מיט 4 מעשענע צועקלעך צוגעקלאפט א מעשענע־ברעטעל מיט אויסגעקריצטע בוכשטאבען און יעדער קאן איבערלייענען אויף רוסיש „יעאן בארימאוויטש לאדערבערג"!

מיט וואס פארנעהמט זיך ה' לעדערבארג? וואס זענען זיינע געשעפטען? און וואס פארדיענט ער זיין פרנסה? אויף די אלע פראגען וועט אייך קיינער ניט ענטפערען, ווארום קיינער, אפילו זיין אייגענע פרוי, ווייסט אייך ניט, חוץ נאר דיא לייט וואס האנדלען מיט טאיהם.


ווילט איהר
סיווען
30 פראצ. ?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראנגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 1985

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

דער באוואוסטער ה'
ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
אויך אנדערע שחיטות מיט די בעסטע
עופרידענהייט.
57 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווא קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקייל־ערושיסטערס, נייע און געניצטע פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער הענגינג
דעקארייטאר און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען.

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען, קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלמסט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואַרד
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נאר ... פון ריינער האוואנא. ... א דוראנד. איהר וועט ... ניט הבען. פארערט דר ... ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

האט איר ריעל עסטייט
צו פארקויפען? ——
א הויז
—א לאט
—און אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי
איר קענט דאס שנעל פארקויפע פאר דער העכסטער פרייז דורך די „צו פארקויפען" אדס פון „וועג"
Phone Main 3715

אינטעליגענטע

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

— עס איז אמת, איך האב דיך גע־נארט — האט ער ארויסגעשטאמעלט.

ווי פון א בייזער שלאנג געביסען האט זי אפגעטראטען פון איהם, האט זיך מיט ביידע הענד איינגעגראבען אין איהרע האר, ווי א פויגעל מיט אונטערגעשאסע־נע פליגעל איז זי געשטאנען, דעם קאפ פערזונקען צו דער ערד. זי האט געפיהלט ווי דאס בלוט טריעפט פון איהר טראפענווייז. בעלל האט ווייטער גע־רעדט.

— איך האב דיך גענארט. איך בין א מיזעראבעלער מענש. איך בין פער־הייראט און איך וואהן ניט מיט מיין פרוי. איך ווייס ניט וואו מיינע קינדער זיינען יעצט. איך ווייס, איך האב ניט געטארט האנדלען אזוי אנטקעגען דיר.

זי האט קיום צוזאמענגענומען קראפט און אין היסטערישען קוויטשען האט זי איהם אריינגעשריען.

— דו ביסט א ברוטאלער מענש! דו האסט מיין גליק צושטערט.

ער האט געשוויגען און ער האט אויסגעמיעדען איהרע בליקען, וועלכע ער האט נאך איהר טאן נאך פערשטא־גען אז זיי זיינען פיל מיט גיפט.

ענדליך האט ער אנגעהויבען שטאמי־לען.

— איך האב דיר געוואלט געבען א ביסעל גליק. דו ביסט געווען צו מיר אזוי צארט. האסט מיך געהאלטען פאר דיין גאט. איך האב דיך געוואלט זעהן גליק־ליך... פארגיב.

— דו ביזט א חיה, א רויב פויגעל! — האט זי געשריען, — דו ביסט מאס־קירט, דו ביסט א געמיינער מענש. האסט מיך אומגליקליך געמאכט אויף אייביג.

ער איז צוגעגאנגען צו איהר. האט געוואלט זי בארוהיגען, ווען ער האט פרו־בירט ארויפלעגען זיין האנד אויף איהר אקסעל, האט זי ניט מיט איהר קול אויס־גערופען:

— טרעט אפ פון מיר! איך וויל ניט דו זאלסט מיך באריהרען מיט דיינע הענד ביזט אן אונרייגער מענש! און זי איז אוועקגעלאפען מיט דעם פנים צו א וואנד און האט ביטער אין פארצווייפעלט גע־וויינט.

— האסט מיין לעבען צעבראכען! פון אלעמען האסטו מיך אפגעריסען, האסט מיין גאט צעבראכען, האסט מיך פון מיינע עלטערען אפגעריסען, האסט מיין לעבען רואינירט, פאר וואס האסטו מיר גלייך ביי דיין ערשטען אריינקומען צו מיר אין הויז, ניט געזאגט אז דו ביזט פאהייראט, — האט זי גע׳טענה׳ט צו איהם און האט ניט אויפגעהערט וויינען.

— ווען איך ווייס אז דו ביזט פער־הייראט, וואלט איך דיך רעספעקטירט. איך וואלט געווען דיינע א באקאנטע, א שילערין, אבער איך וואלט מיר פאר קיין פאל ניט ערלויבט אריינצוגעהן מיט דיר אין אזעלכע דרכים.

ער האט געשוויגען און געזעסען ווי איינער, וועלכער ערווארטעט זיין טוידט־אורטייל, פוסט אהן שום אינטערעס איז ער געזעסען און געקוקט מיט אויסגע־גלאצטע אויגען.

— צו ווייסטו כאטש וואס דו האסט מיר אפגעטאן? — האט זי אנגעהויבען טענה׳ן און האט זיך געריסען פאר די האר פון קאפ — דו האסט דאך מיך אויף עביג רואינירט! דו האסט צעבראכען מיין הארץ, פארוואונדעט מיין נשמה. דו האסט מיין ערלסטען טיעף בעהאל־טענעם געפיהל ארויסגעריסען און האסט איהם צעטראטען מיט דיינע שמוציגע פיס.

— אניוטא פארגיב מיר! — האט ער איינגעשטרעקט זיינע הענד צו איהר.

— קום מיט מיר, איך וועל ווידער זיין דיין גאט, איך וועל אלעס גוט מא־כען, וועל דיר געבען גליק —

זי האט איהם איבערגעהאקט.

— דו ביזט מעהר ניט מיין גאט. איך וויל דיך מעהר ניט זעהן, דו ביזט מיין מערדער, דו האסט מיין ליעבע פאר־שוועכט, האסט מיך באשווינדעלט, בע־טראגען. איך וויל דיך מעהר ניט זעהן. גיי לויף פון דאנען און ווייז דיך מעהר ניט פאר מיר. איך בין די אומגליקליכס־טע. די עלענדסטע אויף דער גרויסער וועלט. מיין לעבען איז רואינירט. עס איז געבליעבען פאר מיר בלויז איין וועג און דאס איז דער טוידט! — האט זי ביטער געזיפצט. — ענדליך האסטו מיר ארויס־געזאגט דעם ביטערען אמת. אבער ווי שפעט דו האסט דאס געזאגט!

ער האט געזעהן אז ער וועט מיט איהר גאר ניט מאכען און ער האט זיך אויפגע־הויבען אוועק צו געהען.

— דו ביזט שוין אלזא פערטיג! — האט זי גיפטיג אויסגעשריען — דער שטורם האט אויסגעבראכען דעם בוים אז זער איז פארשוואונדען. דער אדלער האט די וויסע טובע פערציקט און ער שוועבט שוין ווייטער צו די וואלקען, כא, כא! — און זי האט זיך היסטעריש פא־נאנדערגעלאכט — פאר וואס זשע האט דער אדלער אבער די טובע נור געבלוטיגט און ניט איינגאנצען ערמארדעט — האט מיט איהם אנגעהויבען איינטענה׳ן אין דער שפראך פון זיינע מעשה־לעך.

— פאר וואס איז דער אדלער געקו־מען רוהען אין דער טויב׳ס נעסט?

— אניוטא, דו מאטערסט שוין צו־פיעל! — האט ער אויסגעשריען און האט זיך צוריק אוועקגעזעצט, און האט גע־ווארפען אויף איהר אומרוהיגע בליקען.

— עס האט אנדערש ניט געקענט פאסי־רען.

— דו האסט מיך פארגעטערט, האסט מיך געליעבט און דו האסט זיך מיט מיר געפיהלט גליקליך. — האט ער געטענה׳ט

— ווי זשע האב איך דאן געקענט זיין צו דיר אזוי גרויזאם און דיך בע־רויבען פון דיין שענסטען מאמענט פון לעבען?

— עס וועט בלייבען דער שוידערליכ־סטער מאמענט אין לעבען — האט זי געענטפערט — איך וועל זיך קיינמאל ניט פארגעבען. האסט מיך בעשווינדעלט איינפאך באשווינדעלט און מיך אויס־גענוצט פאר דיינע נידעריגע אינסטינק־טען.

— דארפסט אזוי ניט רעדען! — האט ער איהר אפגעהאקט — איך האב דיך גע־ליעבט אזוי שעהן און שטארק און האב דאס געמיינט מיט דעם גאנצען האר־צען.

— ווי האסטו מיך געקענט ליעבען און בעהאלטען פאר מיר דיין גאנצען פערגאנגענהייט? — האט זי ניט אויפ־געהערט צו יאמערען — ווי האסטו דיר ערלויבט מיך צו ליעבען, ווען דו האסט א פרוי און קינדער?

— דאס איז א נארישע פראגע.

— דענקסטו אז א פרוי ווי איך, וועל זיין אזוי פיעל נידעריגער געזונקען, אז איך זאל געהן וואוינען מיט איינעם וועל־כער האט ערגעץ א פרוי און קינ־דער?

— אניוטא בארוהיג זיך.

— דערמאהן מעהר ניט מיין נאמען. איך בין דיר ניט מעהר אניוטא, לאז מיך אליין, לאז מיך! מערדער מיינער!

ער איז ארויסגעלאפען פון הויז, זי א ווילדער און זי האט נאך לאנג, לאנג געריסען ביי די האר פון קאפ.

— וואס האט ער געהאט צו מיר? ווארום האט ער מיך אזוי שענדליך בע־ליידיגט? — האט זי ביי זיך אליין גע־פרעגט — ווארום האט ער מיך רואי־נירט? ווארום? — און זי האט זיך גע־פיהלט די עלענדסטע. דאס מיזעראבעלס־טע באשעפעניש אויף דער וועלט. זי איז זיך אליין פארגעקומען ווי א יונג בוימע־לע, וועלכעס איז פון א שטורם אפגערי־סען געווארען און פערשליידערט געווא־רען אין א זומפ אריין.

— ווען איך זאל דאס כאטש קענען פאר דער מאמען דערצעהלען. פילייכט וואלט מיר גרינגער געווארען. איך וואלט ביי איהר אויפ׳ן הארצען זיך גוט אויס־געוויינט. מיין עלענד וואלט פילייכט פער־לייכטערט געווארען.

— ניין, דאס קען איך ניט טאן! דאס וועט פאר די עלטערן זיין א טויט קלאפ. זיי וועלען די שאנדע ניט איבער־טראגען — האט זי צו זיך אליין גע־טראכט. איהר הארץ איז איהר פון ווייי־נען אזוי אפגעשוואכט געווארען, זי האט געפיהלט, אז די קרעפטען פארלאזען איהר פערזונקען אין טיעפע טרויעריגע געדאנ־קען ניט זעהענדיג פאר זיך קיין שום אויס־וועג, איז זי מאכטלאז געלעגען אויף איהר געלעגער. בילדער פון א טרויעריגער צוקונפט האבען אנגעהויבען ארטיסשווי־מען פאר איהר געדאנק. — אן עלענדע, א פארלאזענע און פעראכטעט פון איה־רע אייגענע עלטערען און פון דער גאנ־צער וועלט.

קאפיטעל כ״א

די פארשטויסענע.

פיער וואכען איז אניוטא געלעגען צו בעט. ברכה, די מוטער איהרע, איז ארום איהר בעט געזעסען און האט ניט אנגע־הויבען וויסען וואס מיט איהר קינד געהט פאר.

אניוטא האט ניט געלאזט רופען קיין דאקטאר צו זיך.

— איך בין ניט קראנק. — האט זי תמיד איינגעשמועסט איהר מוטער. — איך בין בלויז אפגעשוואכט פון דער אר־בייט און וויל אפרוהען אין בעט.

— ווארום זשע ביסטו אזוי בלאס, קינד מיינס? — האט די מוטער איבער איהר געוויינט און געקלאגט. — דו ביזט עפעס אזוי פארענדערט. דו ביזט אזוי ... פ'ארזארגט. עפעס מוז דאך דיר וועה טאן!

MAZOLA

ניטא דער געריכט, וועלכען מאזאלא זאל ניט קענען פארבעסערען. מאזאלא איז טויזענד מאל בעסער פאר פוטער אדער שמאלץ צו באקען, קאכען אדער פרעגלען.

ס׳איז שפארעוודיגער — ווייל איהר פארברויכט א דריי־טעל ווענינער פון דעם ווי פון פוטער אדער שמאלץ. ס׳איז געזינטער — ווייל דאס איז געמאכט פון די בעסטע קארן פלאנצען, וועלכע זיינען רייך אין נאטור קרעפטען, און מאכט יעדע געריכט לייכטער און גרינגער צו פארדייען.

יעדע געריכט, וועלכע איז געמאכט מיט מאזאלא, האט אין זיך א ריינעם און געשמאקען טעם.

מאזאלא איז אמת כשר און פארעווע, און איהר קענט עס עסען סאי מיט מילכיגע, סאי מיט פליישיגע שפייזען.

פרעגט אייער שכנ׳טע וועלכע יוזט מאזאלא

Corn Products Refining Co
17 Battery Place
New York City

— איך בעט דיך מאמעניו, לאז מיך אליין, איך בין מיעד, איך וויל שלא־פען.

זי האט זיך אבער סוף כל סוף זיך אויפגעהויבען [illegible] בעט.

זי האט אנגעהויבען פיהלען אז זי וועט מיזען ווערען א מוטער און זי האט אנגעהויבען זיך אבגומטראגען מיט פאר־צווייפעלטע זעלבסטמארד געדאנקען.

— ווען די מוטער וואלט דאס קענען איבערטראגען, וואלט איך אלעס פאר־שוויגען און וואלט געלעבט. פילייכט וואלט מיר דאס קינד געבראכט א טרייסט צו מיין עלענד! — האט זי אפט גע־טראכט.

אין אזעלכע מאמענטען פלעגט זי זיך איינטיעפען אין זיך אליין.

— מוטער ליעבע איז דאך נאך פיעל שטארקער אלס די ליעבע פון א פרוי צו א מאן! — פלעגט זי טראכטען און ארויס־ענען איהרע הענד אויפ׳ן הארצען און זי פלעגט זיך פיהלען גליקליך...

שנעע שטורים אין ירושלים

דראהעט די שטאדט מיט הונגער, מאכט חרוב פיעלע היי־זער, צוויי הונדערט פאמיליע ע׳ט בלייבען היימלאז.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אמע־ריקא האט היינט ערהאלטען א טעלעגרא־מע פון ירושלים, וועלכע מעלדעט דאס א שרעקליכער בליזארד וועלכער איז דארט ער־שיענען האט דארט פאראורזאכט א גרויסע קאטאסטראפע.

די טעלעגראמע, וועלכע איז גע׳חתמ׳ט ביי מנחם מנדל אוסישקין פון דער ציוניס־טישער לייטונג אין ירושלים, מעלדעט דאס דער שנעע וועלכער איז אנגעפאלען אין דער הויך פון א מעטער (אומגעפעהר 40 אינטשעס) האט פאראורזאכט גרויס שאדען צו דער ארטיגער באפעלקערונג. דער שטורם האט געגצליך און טיילווייז חרוב געמאכט פיעלע הייזער, און איבער צוויי הונדערט פאמיליעס זיינען געבליבען היימ־לאז. דער שווערע שנעע־פאל וועלכער האט בלאקירט אלע וועגען האט אפגעהאקט די פראוויאנט טראנספארטאציע און דראהעט די שטאט מיט הונגער.

די ציוניסטישע ארמיניסטראציע דארט האט זיך אונטערגענומען צו ערלייכטע־רען די לאגע, און אפעלירט צו דער ציוני־סטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא, פאר א סומע פון הונדערטא און פופציג טויזענד דאלאר וועלכעס איז נויטיג גוט צו מאכען די שאדענס וואס זענען פאר־אורזאכט געווארען דורכ׳ן שטורם.

א מיטעל גישט צו פארזוצען.

א שטיקעל נייעס פון לאס־אנדושע־לעס: א מיידעל איז ארויסגעשפרונגען דורך א פענסטער און — אריינגעפאלען צו א יונגענמאן אין די ארעמס.״

אין צוויי טעג שפעטער האט ער מיט איהר חתונה געהאט.

דא סאיז דאס נייעסטע מיטעל פאר מיידלאך, וועלכע ווילען חתונה האבען: זיך ארויסצווארפען דורך די פענסטער...

* * *

שפאט ביליג.

אין עטליכע וואכען ארום, ערקלערען רעגירונגס באאמטע, וועט צוקער און אנדערע שפייז ארטיקלען ווערען ביליג.

גאט מיינער, ווי ביליג די ערקלעהרונ־גען וועגען ביליגקייט זענען ביי אונזערע רעגירונגס פארשטעהער געווארען...

* * *

די אמת׳ע קעמפער

אין קאמפף געגען דער רויטער גע־פאהר גיסען די מאכטהאבערס אויס די באר מיט דעם קינד צוזאמען.

* * *

מיט וועמען ביסטו?

ביי דער בעראטונג פון דעם ערשטען ״הבא נתחכמה״ זענען געווען יתרו בלעם און איוב. יתרו האט פארטיידיגט די אידען, בלעם האט גערעדט געגען זיי, און איוב איז געזעסען און געשוויע־גען, דערפאר איז איוב שפעטער געזעסען אין געהאקטע וואונדען. — ביי א וויכ־טיגע בעראטונג טאר מען ניט שווייגען. די וועלט דארף וויסען מיט וועמען ביזטו.

צו וואס טויג קריעג?

לעניז האט ערקלעהרט אין אן אינ־טערוויו, אז די רוסישע סאוועטען רע־גירונג וויל קיינעם ניט באקעמפפען, זי זוכט נור פריעדען און האנדעל.

לעניז קען איצט אפהערען צו פיהרען זיין פראפאגאנדע דורך א פריעדליכען האנדעל.

* * *

לכבוד פורים

רעדענדיג וועגען טרינקען, לאמיר אנ־זאגען די גוטע בשורה צו אונזערע טרינק ליעבענדע לעזער, אז מען קען שוין איצט קריגען פלענטי שנאפס. איהר דארפט זיך בלויז אריבערכאפען אין האוואנא, קובא...

* * *

אלרייט

ענגלאנד, זאגט ללאיד דזשארדזש, איז אלרייט.

שור, וואס פעהלט איהר? א חוץ וואס איהר פונט פאלט און די איירישע, אינ־דיער און עגיפטער הויבען זיך, איז זי אלרייט...

* * *

ער זוכט נקמה

דער געוועזענער סטייט סעקרעטער פון אמעריקא, ראבערט לאנסינג, האט די גאנצע צייט באקעמפפט שטילערהייד דעם ציוניזם. אבוואהל עפענטליך האט ער זיך פארגעשטעלט אלס אידען־פריינד. ער האט געשריעבען צום פרעזידענט, אז די אידען

וועלכע האבען געקרייצינט יעזוסען טאָ־רען ניט ווערען די בעלי בתים פון דער הייליגער לאנד פאלעסטינא.

דערפאר הפנים האט ער אויך אזוי ווענינ זיך געקימערט וועגען דעם וואס די אוקראינער קרייצינען צעהנדליגע טוי־זענדע אידען..

* * *

לשם ביזנעס

א שיקאגא טעאטער, האט איינגע־פיהרט א סמוקינג רום פאר פרויען.

ווען דער טעאטער וואלט בעסער איינ־געפיהרט א טרינקרום פאר מענער וואלט ער זיכער געמאכט מעהר ביזנעס..

* * *

אויב ס׳איז אמת.

מ׳זאגט, אז דער נייער סעקרעטארי אוו סטייטס, מר. קאלבי, איז א ראדיקאל און ער איז געגען ענגלאנד.

אוב ער איז א ראדיקאל איז עס נאטיר־ליך, אז ער זאל זיין געגען אן ענגלאנד. אן אמת׳ער ראדיקאל מוז זיין דערפאר אז דאס לאנד זאל זיין בריינט און פריי פאר אלעמען, אהן אונטערשייד פון איבער צייגונג.

מאושען-פיקטשור אפרייטארס

לערענט זיך פאר לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע וויידושעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענר.

קאפלאן׳ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל נענרע ליינס:

קאפלאנס דרעס גודס ליין פון סילקס וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע נאטיאן ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר־טענס; טייבעל קאווערס; שעטס און קאבעט. קאפלאנס ליין אין ליידיס פענ־סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענר פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס אין קאפלאנס ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

לעכעוויצער לאנדסלייט און אומגעגענד

דער לעצטער מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אבענד, 2טען מארטש, האט געמאכט א גוטען אנפאנג. 725 דאלאר איז ביי דיזען מי־טינג געזאמעלט געווארען. אבער פריינדע, לאנדסלייט, דיזע סומע איז ווי א טראפען אין ים. זעהר פיעל איז נויטיג צו ראטעווען די ליידענדע פון אונ־זער שטאדט.

מיר בעטען, מיר רופען יעדען לעכעוויטשער צו קומען דיזען

מיטוואך אווענד 10טען מארטש

אין ווילקינס סט. תלמוד תורה
ווילקינס בעט. הייסטינגס און ענטווין

אונזער גאסט און לאנדסמאן, מר. לאס וועט ספעציעל קומען צו דיזען מי־טינג אויף זיין רייזע פון שיקאגא צוריק נאך נויארק.

קיין איינער טאר ניט פעהלען!

מיט אכטונג, די קאמיטע.

ד. ראבינסאן
פ. ראבינסאן
ד. זעליג
ח. גרינבערג
ט. אידעלסאהן, סעקרעטער.

האר פארלאנט

וועל צאהלען די העכסטע פריי־זען אין קעש פאר אלטע איטא־מאביל אדער מעטערס האר אינגריסע אדער קלענערע לאטס

ס. ק. ארמסטאן

238 אוואלאן עוועניו
העמלאק 6671־אר

יוזט פאלם-אלא

פאר׳ן מאגען א רפואה פאר׳ן פאקעט א ישוע

פאלם־אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאק־נאטס און פינאטס אויל, און אנדערע נאטור רייכע וועדזשעטייבעלס און קען גענויזם ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די ווי־סענשאפטליכע מעטהאדען און סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט־פרוף סאניטארע פאקסעס.

פאלם־אלא איז איסגעצייכענט גוט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. ניט איינע קינדער פיעל פאלם־אלא. עס וועט זיי פיעל גו־טעס טהאן און עס איז פיעל ביליגער ווי די אלד פעשאנד פוטער.

פאלם־אלא איז מיט זיין נאטירליכע ריינקייט און געשמאקייט ממש טעם גן עדן. און ווער עס טרייעט דאס צו גוזען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.

פאלם־אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערדט געשלאגען אין דע־טראיט פיי דער באוואוסטער "שעד קרימערי". אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען סופלאי יעדען טאג.

געמאכט פריש יעדען טאג אין דעטראיט

גלדך פון דער פוטער פאס צו אייך

פאלם־אלא איז. כשר בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר׳ יוסף תאומים דפה

גראסערי לייט

עס איז פאר אייער בענעפיט איהר פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט גען, איהר דערלאנגט א פעקערוש צום זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט ניט קיין טראבעל. אהר דארפט ניט ווע־קאסטימער און דאס אלעס.

לעזט דעם הכשר:

הנני להעיד כי החמאה הנקראת Palm-Ola של The Shedd Creamery כשר לאכול [illegible]

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם־אלא

J. Bartush **West 1407**

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דינסטאג, מארטש 9טער, 1920

די וואהנונגס פראגע

א

די וואהנונג פראבלעמע איז נישט בלויז א דעטראיטער. איז נישט בלויז קיין אמעריקאנער. אין איטליכען לאנד, אין איטליכער שטאדט, שטעדטעל, אדער דערפעל עקזיסטירט זי. אומעדום לעגט זי זיך ווי א שווע־רע משא אויף די בירגער, אויף די איינוואהנער.

דער ענגלענדער זאגט: „מיין היים איז מיין פאלאץ“. אבער די ענג־לענדער אין לאנדאן האבען נישט נאר קיין פאלאצען נישט. נאר אפילו פשוט'ע מענשליכע דירות האבען זיי נישט. א צעהנטל פון די איינוואה־נער אין ענגלאנד וואהנען אין הייזער, וואס זיינען נישט פאסיג פאר א מענשליכער וואהנונג.

אבער די ענגלענדער זיינען א טראדיציאנעלעס פאלק און דארטען קענען נישט אנגעהן אזעלכע פאראנדקעס, וואס געהן אן אין אמעריקע.

און אין ענגלאנד האט מען דערום איינגעזעהן אז מיט שרייען „רויטע“ „ראדיקאלען“, „געפעהרליכע רעוואלוציאנערען“, „באלשעוויקעס“ וכדומה אזעלכע פאפולער געווארענע סטראשונקעס, וועט מען גארנישט אויפטאן צו באַרוהיגען די אומצופריעדענע און רעוואלטירענדע עלעמענטען.

מען האט דארטען איינגעזעהן, אז ס'איז נאך ווייניג ווען דער ארבייטער האט ברויט מיט פוטער. מיט דעם אליין קען ער זיך נאך נישט צו־פריעדענשטעלען. אום דער ארבייטער זאל זיין צופריעדען איז נאך ווע־ניג צו רעגולירען די ארבייטסשטונדען און איהם מוסיף זיין אויף די שכירות. ער דארף אויך האבען א דירה.

און די דירה דארף זיין פאסיג פאר א מענשליכער וואהנונג.

און פאר דער דירה דארף ער צאהלען פאסיגע דירה געלד און נישט קיין פאבעלהאפטע הויכע סומעס. און נישט אלע מאנטאג און דאנערשטאג זאל מען איהם הייסען מוסיף זיין אויף דעם דירה געלד.

די וואהנונג פראגע איז געווארען א פראבלעמע. א פראבלעמע מיט וועלכער אלע זיינען באשעפטיגט.

ביי אונז אין דעטראיט איז די ערשטע און בעסטע טעמא פון א גע־שפרעך אין א געזעלשאפט — די וואהנונגס פראגע.

„וויפיעל צאהלט איהר?“

„האט איהר שוין רומס?“

„וויפיעל האט מען אייך געריזט?“

„דענקט איהר אז מען וועט ביי אייך נעקסטען חודש נישט בעטען קיין הוספה אויף'ן דירה געלד?“

אזעלכע און ענליכע פראגעס הערט איהר אויף יעדער פארזאמלונג פון א פאר היימישע מענשען, אין איטליכס הויז, צו יעדער צייט.

מען הערט אז דא און דארטען ביי'ט זיך א הויז. אבער אויף יעדער הויז זיינען דא אהן א שיעור בעלנים.

אין די צייטונגען געפינט מען אנאנסען וועגען דירות, וואס דארפען ערשט פארטיג ווערען. און אפטמאל פארדינגט מען א וואהנונג אין א הויז וואס מען האט ערשט אנגעהויבען צו בויען.

אזוי איז עס אין דעטראיט.

און נישט בעסער איז עס אין אנדערע גרויסע און קלענערע שטעדט און שטעדטלעך.

עס איז א טרויעריגער פאקט, אבער פארט אן אמת, אז אין א געוויסער גאס אין אונזער שטאדט איז אימיצער געשטארבען אין א הויז. אין דער פריה האט מען דעם מת ארויסגעטראגען פון שטוב און אין א משך פון א פאר שעה איז די אגענטורע, וואס פארוואלטעט דאס הויז שוין געוועזען פאלאגערט פון בעלנים וואס זיינען געקומען זיך נאכפרעגען אויב דאס הויז ווערט פארדונגען.

דער ארבייטער האט ווייניג צייט צו זוכען פאסיגע חדרים. אליין איז ער א גאנצע וואך באשעפטיגט אין פאבריק און דאס ווייב איז טרוד אין שטוב מיט די קינדערלעך און — מיט די קווארטיראנטען. ווארים וואה־נען אין עטוואס פאלעפאטישע צימערען און נישט ארייננעמען איינעם אדער צוויי קווארטיראנטען, איז נישט מעגליך. דאס דירה געלד איז צו הויך און דער ארבייטער קען זיך נישט פארגינען דעם לוקסוס צו באוואהנען א רחבות'דיג הויז.

אנדערע האבען זיי ס'נישט איז פארכאפט אין ערגעץ א „נחלה“ און זיך אהין אריינגערוקט און — זיצען רוהיג. זיי דאנקען גאט. וואס מען לאזט זיי צו רוה און מען קומט נישט בעטען קיין העכערונג אויף דעם דירה געלד.

אבער עס קלייבט זיך א האס אין הארצען. עס זאמעלט זיך א שנאה צו דער אורדנונג וואס דערלאזט צו אזא אפענער עקספלואטאציע און הויט־שינדעריי.

דער פראטעסט זאמעלט זיך. און קומט אונטער א גינסטיגער מא־מענט, עקספלאדירט ער ווי פולווער.

באצייכענט מען דעם אומצופריעדענעם פראטעסטאנט און קעמפער אלס רעוואלוציאנער. ער איז עס אפשר. אבער נישט ער איז שולדיג דע־רין וואס ער איז ארויסגעשפרונגען מיט זיין כעס און הגוה. ער איז נישט שולדיג, וואס עס האט זיך ענדליך ארויסגעריסען פון איהם דער וועה גע־שריי קעגען דער פראפיטירונג, ווי זי ווערט אנגעטריבען פראנק און פריי און עס איז נישטא קיין קלעגער און קיין ריכטער.

עס דערפיהלט דער ארבייטער ווי מען האט איהם איבערגעגעבען אין די הענט פון א געוויסער פראפיטערס, וואס רייסען פון איהם צוויי פע־לען מיט איין מאל: ער איז פארשפארט אין פאבריק, האט קיין צייט נישט צו זוכען הייזער; די שטאדט אויטאריטעס נעהמען גרויסע טעקסעס פון איינגענטימער פון הייזער און באפרייט כמעט די אייגענטימער פון לאטס; קיין נייע הייזער ווערען נישט געבויעט, ווייל פון ליידיגע לאטס פארדיענט מען מעהר אין שפעקולאציע ווי אין בויען הייזער און ער — דער ארבייטער — מוז צאהלען אזא דירה געלד, ווי דער באלעבאס טאקסירט איהם.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)

נישט קיין סך פרייער

ספיקער סוויט פלאנט צו פארשיקען די פינף אויסגעשלאָגענע סאציאליסטען אין תפיסה.

וועלל, אין תפיסה איז איצט נישט זיין סך פרייער ווי אויף דער פריי.

* * *

דער נביא טרעפט

א קאנגרעסמאן האט אריינגעבראכט א ביל געגען דעם וועטער־נביא אין וואשינג־טאן — הלמאי ער טרעפט נישט און שטענדיג איז דאס וועטער קאפויער ווי ער פראפעצייהעט.

א נארישער קאנגרעסמאן! ווער זאגט נ'ס, אז דער וועטער־נביא טרעפט נישט? דער נביא טרעפט, נאר דאס וועטער וויל איהם נישט פאלגען...

* * *

יאפאנעזיש און פויליש

פון ציכערע קוועלען ווערט מיטגע־טיילט, אז יאפאן וועט אין דער פעלקער־ליגע ארויסטרעטען מיט א פראטעסט גע־גען פוילען פאר איהרע אידען־פראפעסרי־שער אייפיהרונג.

און ווי נעזעהנליך, ערוואַרט מען, אז פוילען וועט ענטפערען: יא־פאן! (איך בין באלעבאס!)

* * *

אבי געפאהרען

די אמעריקאנער אייזענבאהן־ארביי־טער זענען שטארק נישט צופרידען מיט פרעזידענט ווילסאן.

נעה פארלאז זיך אויף אייזענבאהנער! זיי האלטען אין איין פאהרען — דאס איז זייער פראפעסיע! און זיי טענה'ן גאר אז דער פרעזידענט האט זיי פארפיהרט!...

* * *

די באלשעוויקעס פיהרען איצט פאר־האנדלונגען מיט דייטשלאנד וועגען אנ־פיהרען א האנדעל צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד.

טענה'ט מען, אז די באלשעוויקעס ווילען פארכאפען דעם דייטשישען מארק.

אבער דער דייטשישער מארק איז דאך ווערט נישט מעהר ווי א האלבען סענט...

* * *

א פוס־דיפלאמאט

א קאווקאזער איד האט געמאכט א שפאציר צופוס פון קאווקאז קיין ארץ ישראל.

דער איד איז, ווייזט אויס, קיין דיפ־לאמאט נישט. קלערט נישט, צו מען קען איצט איינוואנדערען אין פאלעסטינא אדער נישט — ער האט די דיפלאמאטיע אין פיאטע!...

* * *

„אינערליכע אנגעלעגענהייטען“

שפאניען האט מיט א שטיקעל צייט צוריק אריינגעטראגען אין דער פעלקער־ליגע א פראטעסט הלמאי די ליגע וויל זיך מישען אין איהרע אינערליכע ענינים.

אינערליכע אנגעלעגענהייטען? מיינט זי אפשר דאס, וואס די וועלט וויל אויס־ראטען די שפאנישע אינפלוענציע?...

* * *

די רויטע געפאהר

קיין וואשינגטאן איז אנגעקומען א דעפוטאציע פון רויטהויטיגע אינדיאנער, וועלכע פאדערען די עטאבלירונג פון אן אינדיאנישער רעפובליק אין אמעריקא.

נו, איז די לוסק קאמיסיע און די סוויטס — נישט גערעכט וואס זיי קעמ־פען געגען די „רויטע“?...

* * *

אויך מיר א מציאה

די באלשעוויקעס האבען אין קרים אנטדעקט א מאסע געלד אין דער ערד.

געלד! אויך מיר א מציאה! זאלען זיי געפינען אביסעל ציבעלעס אין ד'רערד! זאלען זיי געפינען צוקער אין ד'רערד! — דאן וואלט איך זיי מקנא געווען. אבער געלד! — מ'האט עס אין ד'רערד!...

א חודש, צוויי, פינף און צעהן אזוי.

קענט איהר זיך משער זיין, אז עס זאל סוף כל סוף ביי איהם נישט פלאצען דאס געדולד?

האט מען חא, אין אמעריקא, אויסגעפונען א מיטעל צו אזעלכע, ביי וועמען עס פלאצט דאס געדולד: מען דערקלערט זיי אלס באלשעוויקעס; מען פארפאלגט זיי אלס געפעהרליכע בירגער, וואס ווילען אומפרענגען דעם סדר המלוכה.

אבער די ערפינדונג איז נישט גאר קיין ריכטיגע און נישט קיין ווירקזאמע.

דיעזע מענשען ליגט די רעגירונג אפילו אין דער לינקער פיאטע נישט.

זיי איז נוגע בלויז זייער אייגען אומבאקוועמליכקייט, וואס מאכט זיי ענג און וואס דריקט זיי.

שאפט מען פאר זיי דיעזע און אנדערע באקוועמליכקייט, וועט זיי נישט אנהייבען צו ארען אויב דעבס, אדער ברייען, האווער אדער ווילסאן זאלען זיין די פרעזידענטען פון די פאראייניגטע שטאטען.

די הערען, וועמען עס לוינט נישט דאס צו אנערקענען, ווילען דאס נישט מודה זיין.

מען האט עס אבער מודה געווען אין ענגלאנד.

און ווי אזוי ענגלאנד האט זיך באציהען צו דיעזער פראגע וועט כדאי זיין באזונדער צו שרייבען.

נעיעג אויף אידישע פליכטלינגע אין עסטרייך

פון מאיר העניש

(פון אן ארטיקעל וואס איז ערשיענען אין דער העברעאישער וואכענשריפט „העולם“)

עסטרייך און הויפטזעכליך די שטאדט ווין מיט איהרע צוויי מיליאן איינוואה־נער געפינען זיך אין א שרעקליכען צו־שטאנד עם ליידען דארט גרויס הונגער אי די ערוואקסענע מענשען, אי די קינ־דער. אין אזא צושטאנד איז עס נעוועהנ־ליך גאנץ נאטירליך אז אלע זאלען פאר־דערען פון דער רעגירונג אז זי זאל ברענ־גען רעטונג וואס שנעלער, אין דיזע, אין איהר פארצווייפלונג, כאפט זיך אן אזעל־כע מיטעל וואס ברענגען דעם גרעסטען שאדען די אידישע פליכטלינגע. די רע־גירונג לאזט ארויס אויפרופען נאך אויפ־רופען, פארשלאגענדיג פארשיעדענע פלע־נער, און פארשפרעכענדיג פארשיעדענע הילף אין דעם פרט פון דעם שפייז קרי־זיס, אבער כמעט אלע פלענער און פאר־שפרעכונגען דרעהען זיך הויפטזעכליך ארום דעם פונקט פון פטור ווערען פון די עטליכע צעהנדליגע טויזענד גאליציאנישע אידען וואס האבען זיך פארקליבען אין די דייטש עסטרייכישע געגענדען אין דער צייט פון דער מלחמה.

די וויענער רעגירונג האט שוין אין מאנאט סעפטעמבער פון 1919 ארויסגע־געבען א באפעהל, אז מלחמה פליכטלינ־גע זאלען ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד; זי האט עס אבער געטאן ראן מיט איינ־זעהעניש, און האט געמאכט אויף'ן פאר־פיר אויסנאהמען פון דיזער גזירה פאר א גאנץ גרויסער צאהל פון דיזע אומגליק־ליכע. אזוי האט זי פארזיכערט אז עס וועלען ניט ארויסגעשיקט ווערען אזעלכע פליכטלינגע וואס וועלען דערלאנגען א פעטיציע אין וועלכער זיי וועלען אויפ־ווייזען אז זיי ערנעהרען זיך פון זייער שטענדיגער באשעפטיגונג, אדער אז זיי זענען ניט געזונד, אדער אז זיי זענען געצוואונגען צו בלייבען אויף זייער ארט ציליעב וועלכער עס איז ספעציעלער אור־זאכע. די רעגירונג האט אויך נעגעבען צו פארשטעהן אויף און אנשטענדיגען, אבער דייטליכען אופן, אז דער באפעהל פון דער אויסווייזונג וועט דורכגעפיהרט ווערען מיט רחמנות און יעדען פאל, די פליכטלינגע האבען זיך גלייך נאכדעם רעגיסטרירט, ווי די רעגירונג האט גע־פאדערט, און האבען געווארט מיט זי־כערהייט אז די רעגירונג וועט בלייבען טריי צו איהר ווארט. די יעניגע פון זיי וואס האבען געהאט זכותים אויף צו בליי־בען אין לאנד, האבען דערלאנגט פעטי־ציעס צו דער רעגירונג און זיינען אנגע־נאנגען א היבשע צייט מיט זייערע גע־וועהנליכע באשעפטיגונגען; די רעגירונג האט שפעטער זיך געמאכט „בלא ידע“ פון אלע איהרע פארשפרעכונגען און האט נעלאזט וויסען אז די אלע פערזאנען אז זיי מוזען גלייך פארלאזען דאס לאנד און אז אויב זיי וועלען ניט טאן אזוי, וועלען זיי באשטראפט ווערען אויף'ן שווערסטען אופן.

דאס אינטערעסאנטסטע אין דעם איז דאס וואס די גזירה ווערט דורכגעפיהרט פון סאציאל דעמאקראטען (די וויענער רעגירונג באשטעהט איצט ווי באקאנט פון סאציאל דעמאקראטען) ד. ה. פון די זעלבע לייטע וואס זיינען געקומען צו זייער מאכט דורך פראפאגאנדאס און אגיטאציעס פון מענשען־ליעבע, גלייכ־הייט, רחמנות א. ז. וו. נאך מעהר, דיזעל־בע סאציאל דעמאקראטען וועלכע הויפט ארגומענט אין זייער קאמף מיט פאלי־טישע געגנער איז געווען דאס וואס זיי (די סאציאל דעמאקראטען) זענען די איינ־ציגע וואס זיינען פעהיג צו העלפען די ארבייטער — אט דיזעלבע סאציאל דע־מאקראטען שעהמען זיך איצט ניט ארויס־צוטרייבען פון לאנד אזוי פיעל פליכט־לינגע פון דעם ארבייטער קלאס; די רע־גירונג האט אפילו ניט געוואלט צוהערען די בקשה פון פיעלע וויענער ארבייטער יוניאנס, וועלכע האבען פארלאנגט אז די ארבייטער. צווישען די פליכטלינגע זאל ערלויבט ווערען צו בלייבען אויף'ן ארט. די סאציאל דעמאקראטישע רעגירער זיי־נען אזוי שטרענג אין דער ארויסטרייבונגס גזירה אז זיי האלטען אין איין זו־כען איבער דער שטדט, טאמער האט זיך פארוואלגערט וואו עס איז א „פרעמדער“ אז זאיז געבליבען אזוי אומבאמערקט. צו דיזען צוועק ווערען באנוצט מיט גרויס ערפאלג די אזוי גערופענע „וואהנונגס־אויסמעסטונגען“. דיזע „אויסמעסטונגען“ ווערען געמאכט אין דעם איצטיגען וויען, כדי צו זעהן. אויב איינער פארנעהמט ניט צו פיעל צימערען, נאר אז מען האלט שוין ביים דורכקוקען די וואהנונג הייסט מען שוין די לייטע וואס וואהנען דארטען אז זיי זאלען ציינען אלע זייערע פאפיע־רען, און ווען מען דערוויסט זיך פון די־זע פאפירען אז זיי שמעקען מיט „פרעמדקייט“ הייסט מען זיי גלייך נעה־מען דעם וועג.

אז די סאציאל דעמאקראטען האבען פארלוירען אין דיזען פרט יעדע שאנדע און ציינען זאגאר ארויס קלאהרע סמנים פון אנטיסעמיטיזם, קען מען זעהן באַ־זונדערס פון דעם פאלגענדען פאל: די „קריסטליכע סאציאלע“ וועלכע זיינען באקאנט פון לאנג אלס אידען־פיינד האַ־בען מיט א קורצער צייט צוריק אויפגע־הויבען נאך אמאל די פראגע וועגען די פליכטלינגע, פאדערענדיג חשבון פון דער רעגירונג פאר וואס זי האט זיי נאך ניט ארויסגעשיקט אזוי שנעל. אין דער דעבא־טע וואס איז ענטשטאנען ביי דיזער גע־לעגענהייט האבען זיך באטייליגט אויך סאציאליסטען פון אנדערע שאטירונגען, און איינער פון זיי האט אנגעוויזען אויף דעם וואס אפילו דער באוואוסטער אידי־שער סאציאל דעמאקראט אסטערליץ (רע־דאקטאר פון דער סאציאליסטישער אר־בייטער צייטונג) איז אויך א שטארקער געגנער פון די פליכטלינגע. די אנווע־זענדע סאציאל דעמאקראטען האבען פרו־בירט בלוטפערשט פארענטפערען די ארויס־טרייבונגס גזירה מיט פארשיעדענע תירוצים, ניט דערמאהנענדיג אז זי האַ־בען א באזונדערען כעס געגען די אידען, נאר אט דיעזער כעס זייערער האט זיך ארויסגעצייגט אין דער רעזאלוציע וואס זיי האבען באלד אנגענומען, וועלכע האט געלויטעט, אז די רעגירונג דארף זיך צו־איילען ארויסצושיקען אלע פרעמדע וואס זיינען שעדליך פאר די עקאנאמיע פון לאנד, „באזונדערס די אידען פון די מזרח־לענדער“.

אט דיזע ספעציעלע דערמאהנונג פון די „מזרח־אידען“ און פארבינדונג מיט דער אויסווייזונגס־ גזירה, וועט בלייבען אלס שטענדיגער פלעק פאר די עסטרייכישע סאציאל דעמאקראטען, באטש עס איז אמת אז זייער אנטיסעמיטיזם האט אין דער פראקטיק ניט געבראכט די איד־ישע פליכטלינגע קיין באזונדערען שא־דען ווייל די ארויסשיקונג פון לאנד פון „פרעמדע“ בכלל האט געמוזט שפעטער אפגעשטעלט ווערען צוליעב די שטרונגען אין די עסטרייכישע אייזענבאהנען. אזוי האט עס פאסירט פאריגע וואך אז עטלי־כע וואגאנעס אנגעפילט מיט פליכטלינ־גע, זיינען געשטאפט געווארען אויף א באפעהל פון „אויבען“ ווייל די אייזענ־באהן איז ניט געווען אין ארדנונג. די פליכטלינגע זיינען צוריקגעבראכט גע־ווארען אין זייערע הייזער און וועלען דא פארבלייבען נאך אן אומבאשטימטע צייט. צום גליק פון די פליכטלינגע קען די גזירה וועגען זייער ארויסטרייבונג ניט דורכגעפיהרט ווערען מיט אזא שטרענג־קייט ווי די עסטרייכישע פאליטישענס פון אלע לאגערען האבען געוואלט, ווייל אין דעם שלום אפמאך מיט די עלייעס האט זיך עסטרייך פארפליכטעט צו זאר־גען פאר דאס לעבען, אייגענטום און רעכ־טע פון די אונטערטאנען פון די עלייעס און זייערע קריגס חברים. דער קאמי־טעט וואס די פליכטלינגע האבען דא אר־גאניזירט, האט זיך געזעהן צוליעב דער ארויסטרייבונגס גזירה מיט די דעלעגא־טען פון דער שלום קאנפערענץ אין פא־ריז און האט זיי געבעטען צו טאן עפעס צו גונסטען פון דיזע אומגליקליכע, און מען מעג האפען אז די באמיהונג פון דעם קאמיטעט וועט ברענגען גוטע רעזולטא־טען.

איך וויל דא אויך באמערקען אז די צווייטע גרופע אידען וואס שטעהט אויס איצט שרעקליכע צרות אין עסטרייך, זיי־נען די אידישע סטודענטען. דער אנטי־סעמיטיזם אין די אוניווערסיטעטען האט ערגרייכט די העכסטע מדרגה; דער אי־דישער סטודענט ווערט פארהאסט און פארפאלגט אויף'ן שענדליכסטען אופן נישט נאר פון דעם עסטרייכיש־קריסטליכען סטודענט, נאר אויך פון דעם פראפעסאר.

דעטראיט אויף דער לינקער זייט

(פעליטאן)
פון ישראלי

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז א דעטראיטער בירגער, ווען ער איז ניט קיין באלשעוויק, צאהלט טעקסעס, זיצט שטענדיג אין אלע געזעצען און איז יום ולילה פארטאן אין בענשען גומל און אין זאגען ודוי — איז זיכער מיט'ן לעבען כל זמן ער האט דערצו אן ערלויבעניש פון די הויכע באנדיטען, פון די אויטאמאביל־איינענטימער און פון שכיר'ע טעקסידריווערן.

דעטראיט איז א זעהר זיכערע שטאדט! זינט דער שטאט מישיגען איז געווא־רען, אדער האט געזאלט ווערען טרוקען ווי א גאנצע זאמלונג „ביבלישע געזאנ־גען“ פון חיים שוים, איז אין דעטראיט געווארען א מאדע צו טרייבען אויטאמא־בילען מיט „בוז“ אנשטאט מיט געזאלין...

און דאס איז א זעהר זיכערער „פע־טענט“.

„בוז“ האט אין זיך די מעלה, וואס ער מאכט אז אן אויטאמאביל זאל פארלירען די טבע צו לויפען אויף יענע גלייכע וועגען, אויף וועלכע עס נעהען די פרומע און כשר'ע און ניכטערע בירגער. די מאטא פונ'ם „ביטערען טראפען“ איז: „דרעה זיך אהער, דרעה זיך אהין און גיב א „טשענגס“ כאטש איינעם פון הונדערט בירגער דורכ־צוקרייצען וואודווארד סטריט מיט גאנצע ביינער“.

און דאס האט אליין אנגעמאכט „פראָ־היבישאן“.

דערצו נאך הערט זיך, אז גאר אין גיכען וועט אויף די גאסען פון דעטראיט ווערען נאך זיכערער, אונזער מעיאר, וועל־כער פיהרט א ברוגז מיט דער קאר קאמ־פאניע (מסתמא האט ער א ערשטע קלאס „סטודאבייקער“, קען ער זיך פארגינען ברוגז'ען...) פיהרט פארהאנדלונגען מיט דעם פאסיפיסטישען העברי פארד, אז דער לעצטער זאל ארויסשיקען א „קאראוואן“ מיט „פריעדליכע“ אויטא־טראקס איבער די גאסען פון דעטראיט אלס קאנקורענץ צו די סטריט קארס און אירגענד וועלכער בירגער, וואס פארמאגט א ניקעל אין קע־שענע וועט האבען א פיעל שנעלערע געלע־גענהייט נע'הרג'עט צו ווערען ווי יעצט.

דאס ווייזט אז אונזער מעיאר פיהלט די נויטען פון דער שטאדט דעטראיט.

וואס דעטראיט דארף יעצט אם־נויטיג־סטען איז א ביסעל ווייניגער בירגער. ס'איז שרעקליך ענג! ....

און דאס ערנסטע איז, וואס די לענד־לארדס זיינען דערפון נעווארען געוואורען און ס'האלט שוין דערביי, אז א האלבע שטאדט זאל געשלעפט ווערען אין לוס־קארט אויף דער קלאגע פון די הייזא־זער וואנאבונדעריי...

עס מוז דער כבוד פון א האלבער שטאט איינוואוינער נעראטעוועט ווערען דורך אזא אדער אנדער וועג... פריהער אדער שפעטער וועט מען מוזען מאכען א „קליען אפ“ אום עס זאל ווערען אביסעל גרוימער דא זאל עס געמאכט ווערען פריהער! צו וואס ווארטען ביז די זאך וועט ארויין אין דער לאנגער באנק אריין?...

מען קען שוין אין דעטראיט יעצט געפינען מענשען, וועלכע טרוימען פון א פיער־צימערדיג הויז מיט א וואנע, ווי פון א גרויסען פאנטאסטישען אידעאל. און ס'איז ניטא קיין אויסזיכט, אז זייער אי־דעאל זאל ווען־עס־איז פארווירקליכט ווע־רען...

עס מוז געמאכט ווערען א ביסעל גרא־מער אין דער שטאדט דעטראיט!

דאס איז — פארשטעהט איהר מיך — א שטאדט פון אויטאמאבילען און באנדי־טען. און אזוי ווי די צאהל פון באנדיטען איז שוין לעצטענס געווארען כמעט אזוי גרויס ווי די צאהל אויטאמאבילען, איז שוין במילא פאר מענשען וואס זיינען ניט קיין באנדיטען און וואס קענען אויך קיין אויטאמאבילען ניט זיין — ניטא מעהר קיין פלאץ אין דעטראיט.

איינס פון די צוויי: אדער זאל מען א האלבע שטאדט ערקלעהרען פאר באלשע־וויקעס און דעפארטירען קיין רוסלאנד, אדער מ'זאל סיסטעמאטיש אזוי זיך אונ־טער'הרג'ענען, יעדען טאג אביסעל בירגער אין די גאסען, ווי עס פיהרט זיך דא די לעצטע צייט און — דאמאלסט איז דא א האפנונג, אז דער אידעאל פון פיער רומס מיט א באדע - צימער, וואס איז איצט אזא זיסער טרוים פאר מענשען, וועלכע האנדלען נאך דערוויייל ניט מיט אויטא־מאבילען אדער מיט „ריעל־עסטייט“. — וועט אפשר אמאל פארט פארווירקליכט ווערען...

ביי גאט איז אלץ מעגליך!

ביי גאט איז אפילו מעגליך, אז אין גי־כען זאלען די ניגערס פון הייסטינגס סטריט ווערען אנטיסעמיטען און איבערלא־זען די גאס צו די אידען אליין.

אזעלכע ניסים פאסירען אפילו גאנץ וועלטען, ווייל זיי, די ניגערס, האבען אונז צו פיעל ליעב — אבער ביי גאט איז אלץ מעגליך!

און אז מיר רעדען שוין יא פון מעגליכע אוממעגליכקייטען, קען שוין אפשר אמאל געמאלט זיין, אז די „יוניטעד סטייטס פעיר פרייז קאמיטע“ פון מישיגאן, וועלכע איז לעצטע וואך ארויס בחצוצרות וקול שופר, אז אט נעהט זי זיך אפרעכענען מיט די הויט שינדערישע לענדלארדס, און אט נעהט זי מאכען, אז שפייז זאל קאסטען א „ליטל נאטהינג“, און נאך אזעלכע גליי־כען — אפשר ?... אפשר וועט דאס אומ־מעגליכסטע, וואס האט נאך דערוויייל ניט פאסירט אין ערגעץ, טאקע פאסירען ביי אונז אין דעטראיט און ס'וועט פארשרי־בען ווערען אין ספר הזכרונות, אז צ'ום ערשטען מאל, זינט דער אויבערשטער האט באשאפען די וועלט, האט אן אונטערזו־כונגס קאמיסיע געבראכט ממשות'דיגע רעזולטאטען ? אפשר ?...

אז מ'שמועסט פון נסים, איז ניט שייך לאגיק....

און עס קען אפילו פאסירען, אז די האלד - אפס און די מערדערייען, וואס גע־העען אין אונזער שטאדט זאל אביסעל אויפהערען, אבער... דאס איז שוין זעהט אוים אפילו דורך נסים אויך ניט מעגליך.

ווארים נאט האט געזאגט צו דער דעט־ראיטער פאליציי: „דו זאלסט זיך ניט ווייזען אויף דער גאס און ניט אנטפלעקען זאלסטו דיין פנים פאר דיין דעטראיטער בירגער, ווייל ס'איז געפעהרליך....“ נעהם שכירות און פויק אין אלע גאסען, אז דו טוסט וואונדער!“...

אזוי האט דער באשעפער געזאגט צו דער דעטראיטער פאליציי... און דערפאר קען שוין אזא נס, ווי די פארשווינדונג פון באנדיטען אין אזא שטאדט ווי דעט־ראיט ניט פאסירען.

און איך ענדיג מיט דעם וואס איך האב אנגעהויבען: א דעטראיטער בירגער, ווען ער איז ניט קיין באלשעוויק, צאהלט טעק־סעס און איז יום ולילה פארטאן אין בענ־שען גומל און זאגען ודוי, קען מיט דער ערלויבעניש פון די הויכע רויבער־באנדעס און שכור'ע אויטאמאביל־טרייבער, זיך לעבען אזוי לאנג ביז ער שטארבט...

און דאן... איז שוין ביי איהם די הויד פראלע אויך נעלעזט

מאנאטליכער באריכט פון אידי־שער נאציאנאל־פאנד ביורא פון אמעריקא.

55 פינפטע עוו., נויארק, נ. י.

אריינגענאנגען פון דעם 1־טען ביז דעם 31־טען יאנואר, 1920

אלגעמיינע נדבות	$14,687.44
גאלדען בוך	$728.00
בוימער נדבות	477.60
נ. פ. סטעמפס	$405.83
נאציאנאל־פאנד באקסעס	$1,158.21

דאוויד - האראראקער רעליעף סאסייעטי פון דעטראיט

א נאבעלע און מוסטערהאפטע ארבייט איז געטאן געווארען פון דיעזער לאנדס־מאנשאפט.

ס איז גוזאמעלט געווארען א ריעזיגע סומע פון טויזענדער דאלארס פאר די אומ־גליקליכע, הונגעריגע נאך (אפשר) לעבע־דיגע סקעלעטען פון אונזער אלטער היים.

און מיט די שנעלסטע און בעסטע מיטלען פון די פיפעלס רעליעף באאמטע איז ארויסגעשיקט געווארען $15000.00 צו זיי אויף פסח. און ווי שנעל אן ענטפער וועט ערהאלטען ווערען, איז שוין דא און ווערט נאך געזאמעלט גרעסערע און נאך גרעסערע סומען פארטיג צום ארויסשיקען לאנדסלייט פון גאנץ אמעריקא שיקט אונז געלד, העלפט ראטעווען. מיר וועלען אייע־רע נעמען און ביישטייערונגען פארעפענט־ליכען אין דער אידישער פרעסע.

געלד זאל געשיקט ווערען אויף פאלגענדעס אדרעס:

דאוויד - האראראקער רעליעף סאסייעטי און דעטראיט מישיגאן, ק. גרינבערג, 189 אוועוו עוו.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דינסטאג, מארטש 9טער, 1920

די וואהנונגס פראגע

א

די וואהנונג פראבלעמע איז נישט בלויז א דעטראיטער. איז נישט בלויז קיין אמעריקאנער. אין איטליכען לאנד, אין איטליכער שטאָדט, שטעדטעל, אדער דערפעל עקזיסטירט זי. אומעדום לעגט זי זיך ווי א שווער רע משא אויף די בירגער, אויף די איינוואהנער.

דער ענגלענדער זאגט: „מיין היים איז מיין פאלאץ". אבער די ענגלענדער אין לאנדאן האבען נישט נאר קיין פאלאצען נישט. נאר אפילו פשוט'ע מענשליכע דירות האבען זיי נישט. א צעהנטל פון די איינוואהנער אין ענגלאנד וואהנען אין הייזער, וואס זיינען נישט פאסיג פאר א מענשליכער וואהנונג.

אבער די ענגלענדער זיינען א טראדיציאנעלעם פאלק און דארטען קענען נישט אנגעהן אזעלכע פאראנדקעס, וואס געהן אן אין אמעריקע.

און אין ענגלאנד האט מען דערום איינגעזעהן אז מיט שרייען „רויטע" „ראדיקאלען", „געפעהרליכע רעוואלוציאנערען", „באלשעוויקעס" וכדומה אזעלכע פאפולער געווארענע סטראשונקעס, וועט מען גארנישט אויפטאן צו באַרוהיגען די אומצופריעדענע און רעוואלטירענדע עלעמענטען.

מען האט דארטען איינגעזעהן, אז ס'איז נאך ווייניג ווען דער ארבייטער האט ברויט מיט פוטער. מיט דעם אליין קען ער זיך נאך נישט צופרידענשטעלען. אום דער ארבייטער זאל זיין צופרידען איז נאך ווייניג צו רעגולירען די ארבייטסשטונדען און איהם מוסיף זיין אויף די שכירות. ער דארף אויך האבען א דירה.

און די דירה דארף זיין פאסיג פאר א מענשליכער וואהנונג.

און פאר דער דירה דארף ער צאהלען פאסיגע דירה געלד און נישט קיין פאבעלהאפטע הויכע סומעס. און נישט אלע מאנטאג און דאנערשטאג זאל מען איהם הייסען מוסיף זיין אויף דעם דירה געלד.

די וואהנונג פראגע איז געווארען א פראבלעמע. א פראבלעמע מיט וועלכער אלע זיינען באשעפטיגט.

ביי אונז אין דעטראיט איז די ערשטע און בעסטע טעמא פון א געשפרעך אין א געזעלשאפט — די וואהנונגס פראגע.

„וויפיעל צאהלט איהר?"

„האט איהר שוין רומס?"

„וויפיעל האט מען אייך געדרייעט?"

„דענקט איהר אז מען וועט ביי אייך געקסטען חודש נישט בעטען קיין הוספה אויף'ן דירה געלד?"

אזעלכע און עהנליכע פראגעס הערט איהר אויף יעדער פארזאמלונג פון א פאר היימישע מענשען, אין איטליכם הויז, צו יעדער צייט.

מען הערט אז קא אין דארטען בייטען זיך א הויז. אבער אויף יעדער הויז זיינען דא אהן א שיעור בעלנים.

אין די צייטונגען געפינט מען אנאנסען וועגען דירות, וואס דארפען ערשט פארטיג ווערען. און אפטמאל פארדינגט מען א וואהנונג אין א הויז וואס מען האט ערשט אנגעהויבען צו בויען.

אזוי איז עס אין דעטראיט.

און נישט בעסער איז עס אין אנדערע גרויסע און קלענערע שטעדט און שטעדטלעך.

עס איז א טרויעריגער פאקט, אבער פארט אן אמת, אז אין א געוויסער גאס אין אונזער שטאָדט איז אימיצער געשטארבען אין א הויז. אין דער פרוה האט מען דעם מת ארויסגעטראגען פון שטוב און אין א משך פון א פאר שעה איז די אפענטורע, וואס פארוואלטעט דאס הויז שוין געווען באלאגערט פון בעלנים וואס זיינען געקומען זיך נאכפרעגען אויף דאס הויז ווערט פארדונגען.

דער ארבייטער האט ווייניג צייט צו זוכען פאסיגע הדרים. אליין איז ער א גאנצע וואך באשעפטיגט אין פאבריק און דאס ווייב איז טרוד אין שטוב מיט די קינדערלעך און — מיט די קווארטיראנטען. ווארום וואהנען אין עטוואס באקוועמליכע צימערען און נישט ארייננעמען איינעם אדער צוויי קווארטיראנטען, איז נישט מעגליך. דאס דירה געלד איז צו הויך און דער ארבייטער קען זיך נישט פארגינען דעם לוקסוס צו באוואהנען א רחבות'דיג הויז.

אנדערע האבען ווי ס'נישט איז פארבאפט אין ערגעץ א „נחלה" און זיך אהין אריינגערוקט און — זיצען רוהיג. זיי דאנקען גאט, וואס מען לאזט זיי צו רוה און מען קומט נישט בעטען קיין העכערונג אויף דעם דירה געלד.

אבער עס קלייבט זיך א האס אין הארצען. עס זאמעלט זיך א שנאה צו דער ארדנונג, וואס דערלאזט צו אזא אפענער עקספלואטאציע און הויז-שינדעריי.

דער פראטעסט זאמעלט זיך. און קומט אמאָל א גינסטיגער מאמענט, עקספלאדירט ער ווי פולווער.

באצייכענט מען דעם אומצופריעדענעם פראטעסטאנט און קעמפער אלס רעוואלוציאנער. ער איז עס אפשר. אבער נישט ער איז שולדיג דערין וואס ער איז ארויסגעשפרונגען מיט זיין כעס און רגזה. ער איז נישט שולדיג, וואס עס האט זיך ענדליך ארויסגעריסען פון איהם דער וועה געשריי קעגען דער פראפיטירונג, ווי זי ווערט אנגעטריבען פראנק און פריי און עס איז נישטא קיין קלעגער און קיין ריכטער.

עס דערפיהלט דער ארבייטער ווי מען האט איהם איבערגעגעבען אין די הענט פון א גוזמ'על פראפיטערס, וואס רייסען פון איהם צוויי פעלען מיט איין מאל: ער איז פארשפארט אין פאבריק, האט קיין צייט נישט צו זוכען הייזער; די שטאדט אויטאריטיס נעהמען גרויסע טעקסעס פון אייגענטימער פון הייזער און באפרייט כמעט די אייגענטימער פון לאסט; קיין נייע הייזער ווערען נישט געבויעט, ווייל פון ליידיגע לאטס פארדיענט מען מעהר אין שפעקולאציע ווי אין בויען הייזער און ער — דער ארבייטער — מוז צאהלען אזא דירה געלד, ווי דער באלעבאס מאקסירט איהם.

א חודש, צוויי, פינף און צעהן אזוי.

קענט איהר זיך משער זיין, אז עס זאל סוף כל סוף ביי איהם נישט פלאצען דאס געדולד?

האט מען חא אין אמעריקא, אויסגעפונען א מיטעל צו אזעלכע. ביי וועמען עס פלאצט דאס געדולד: מען דערקלערט זיי אלס באלשעוויקעס; מען פארפאלגט זיי אלס געפעהרליכע בירגער, וואס ווילען אומקערען דעם סדר המלוכה.

אבער די ערפינדונג איז נישט גאר קיין ריכטיגע און נישט קיין ווירקזאמע.

דיזע מענשען ליגט די רעגירונג אפילו אין דער לינקער פיאטע נישט.

זיי איז נוגע בלויז זייער אייגען אומבאקוועמליכקייט, וואס מאכט זיי ענג און וואס דריקט זיי.

שאפט מען פאר זיי דיזע און אנדערע באקוועמליכקייט, וועט זיי נישט אנהייבען צו ארען איוב דעבס, אדער ברייען, האווער אדער ווילסאן זאלען זיין די פרעזידענטען פון די פאראייניגטע שטאטען.

די הערדען, וועמען עס לוינט ניט דאס צו אנערקענען, ווילען דאס נישט מודה זיין.

מען האט עס אבער מודה געווען אין ענגלאנד.

און ווי אזוי ענגלאנד האט זיך באציגען צו דיזער פראגע וועט כדאי זיין באזונדער צו שרייבען.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן וועג")

נישט קיין סך פרייער

ספיקער סוויט פלאנט צו פארשיקען די פינף אויסגעשלאָסענע סאציאליסטען אין תפיסה.

וועלל, אין תפיסה איז איצט נישט קיין סך פרייער ווי אויף דער פריי...

* * *

דער נביא טרעפט

א קאנגרעסמאן האט אריינגעבאפט א ביל געגען דעם וועטער-נביא אין וואשינגטאן — הלמאי ער טרעפט נישט און שטענדיג איז דאס וועטער קאפויער ווי ער פראפעצייהעט.

א נארישער קאנגרעסמאן! ווער זאגט אים, אז דער וועטער-נביא טרעפט נישט? דער נביא טרעפט, נאר דאס וועטער וויל איהם נישט פאלגען...

* * *

יאפאנעזיש און פויליש

פון זיכערע קוועלען ווערט מיטגעטיילט, אז יאפאן וועט אין דער פעלקער-ליגע ארויסטרעטען מיט א פראטעסט געגען פוילען פאר איהרע אידען-פרעסעריישער אויפפיהרונג.

און ווי געוועהנליך, ערווארט מען, אז פוילען וועט ענטפערען: יא-פאן! (איך בין באלעבאס!)

* * *

אבי געפאהרען

די אמעריקאנער אייזענבאהן-ארבייטער זענען שטארק נישט צופרידען מיט פרעזידענט ווילסאן.

נעה פארלאז זיך אויף אייזענבאהנער! זיי האלטען אין איין פאהרען — דאס איז זייער פראפעסיע! און זיי טענה'ן נאר אז דער פרעזידענט האט זיי פארפיהרט!...

* * *

די באלשעוויקעס פיהרען איצט פאר-האנדלונגען מיט דייטשלאנד וועגען אנפיהרען א האנדעל צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד.

טענה'ט מען, אז די באלשעוויקעס ווילען פארקאפען דעם דייטשישען מארק.

אבער דער דייטשישער מארק איז דאך ווערט נישט מעהר ווי א האלבען סענט...

* * *

א פוס-דיפלאמאט

א קאווקאזער איד האט געמאכט א שפאציר צופוס פון קאווקאז קיין ארץ ישראל.

דער איד איז, ווייזט אויס, קיין דיפלאמאט נישט, קלערט נישט, צו מען קען איצט איינוואנדערען אין פאלעסטינא אדער נישט — ער האט די דיפלאמאטיע אין פיאטע!...

* * *

„אינערליכע אנגעלעגענהייטען"

שפאניען האט מיט א שטיקעל צייט צוריק אריינגעטראגען אין דער פעלקער-ליגע א פראטעסט הלמאי די ליגע וויל זיך מישען אין איהרע אינערליכע ענינים.

אינערליכע אנגעלעגענהייטען? מיינט זי אפשר דאס, וואס די וועלט וויל אויסראטען די שפאנישע אינפלוענציע?...

* * *

די רויטע געפאהר

קיין וואשינגטאן איז אנגעקומען א דעפוטאציע פון רויטהויטיגע אינדיאנער, וועלכע פאדערען די עטאבלירונג פון אן אינדיאנישער רעפובליק אין אמעריקא.

נו, איז די ליסק קאמיסיע און די סוויטס — נישט געדעכט וואס זיי קעמפען געגען די „רויטע"?...

* * *

אויך מיר א מציאה

די באלשעוויקעס האבען אין קרים אנטדעקט א מאסע געלד אין דער ערד.

געלד! אויך מיר א מציאה! זאלען זיי געפינען אביסעל ציבעלעס אין ד'ערד! זאלען זיי געפינען צוקער אין ד'ערד! — דאן וואלט איך זיי מקנא געווען. אבער געלד! — מ'האט עס אין ד'ערד!...

נייעס אויף אידישע פליכטלינגע אין עסטרייך

פון מאיר העניש

(פון אן ארטיקעל וואס איז ערשיענען אין דער העברעאישער וואכענשריפט „העולם")

עסטרייך און הויפטזעכליך די שטאדט ווין מיט איהרע צוויי מיליאן איינוואהנער געפינט זיך אין א שרעקליכען צושטאנד עס ליידען דארט גרויס הונגער אי די ערוואקסענע מענשען, אי די קינדער. אין אזא צושטאנד איז עס געוועהנליך גאנץ נאטירליך אז אלע זאלען פאדערען פון דער רעגירונג אז זי זאל ברענגען רעטונג וואס שנעלער, און דיזע, אין איהר פארצווייפלונג, כאפט זיך אן אזעלכע מיטעל וואס ברענגען דעם גרעסטען שאדען די אידישע פליכטלינגע. די רעגירונג לאזט ארויס איבערופען נאך איבערופען, פארשלאגענדיג פארשיעדענע פלענער, און פארשפרעכענדיג פארשיעדענע הילף אין דעם פרט פון דעם שפייז קריזיס, אבער כמעט אלע פלענער און פארשפרעכונגען דרעהען זיך הויפטזעכליך ארום דעם פונקט פון פטור ווערען פון די עטליכע צעהנדליגע טויזענד גאליציאנישע אידען וואס האבען זיך פארקליבען אין די דייטש עסטרייכישע געגענדען אין דער צייט פון [...] מלחמה.

די וויענער רעגירונג האט שוין אין מאנאט סעפטעמבער פון 1919 ארויסגעגעבען א באפעהל, אז מלחמה פליכטלינגע זאלען ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד; זי האט עס אבער געטאן דאן מיט איינגעהעניש, און האט געמאכט אויפ'ן פאפיר אויסנאהמען פון דיזער גזירה פאר א גאנץ גרויסער צאהל פון דיזע אונגליקליכע. אזוי האט זי פארזיכערט אז עס וועלען ניט ארויסגעשיקט ווערען אזעלכע פליכטלינגע וואס וועלען דערלאנגען א פעטיציע און וועלכער זיי וועלען אויפווייזען אז זיי ערנעהרען זיך פון זייער שטענדיגער באשעפטיגונג, אדער אז זיי זענען ניט געזונד, אדער אז זיי זענען געצוואונגען צו בלייבען אויף זייער ארט צוליעב וועלכער עס איז ספעציעלער אורזאכע. די רעגירונג האט אויך געגעבען צו פארשטעהן אויף אן אנשטענדיגען, אבער דייטליכען אופן, אז דער באפעהל פון דער אויסווייזונג וועט דורכגעפיהרט ווערען מיט רחמנות אין יעדען פאל. די פליכטלינגע האבען זיך גלייך נאכדעם רעגיסטרירט, ווי די רעגירונג האט געפאדערט, און האבען געוואַרט מיט זיכערהייט אז די רעגירונג וועט בלייבען טריי צו איהר ווארט. די יעניגע פון זיי וואס האבען געהאט זכותים אויף צו בלייבען אין לאנד, האבען דערלאנגט פעטיציעס צו דער רעגירונג און זיינען אנגעגאנגען א היבשע צייט מיט זייערע געוועהנליכע באשעפטיגונגען: די רעגירונג האט שפעטער זיך געמאכט „כלא ידע" פון אלע איהרע פארשפרעכונגען און האט געלאזט וויסען אז די אלע פערזאנען אז זיי מוזען גלייך פארלאזען דאס לאנד און אז אויב זיי וועלען ניט טאן אזוי, וועלען זיי באשטראפט ווערען אויפ'ן שווערסטען אופן.

דאס אינטערעסאנטסטע אין דעם איז דאס וואס די גזירה ווערט דורכגעפיהרט פון סאציאל דעמאקראטען (די וויענער רעגירונג באשטעהט איצט ווי באקאנט פון סאציאל דעמאקראטען) ד. ה. פון די זעלבע לייטע וואס זיינען געקומען צו זייער מאכט דורך פראפאגאנדאס און אגיטאציעס פון מענשען-ליעבע, גלייכהייט, החמנות א. ז. וו. נאך מעהר, דיזעלבע סאציאל דעמאקראטען וועמעס הויפט ארגומענט אין זייער קאמפף מיט פאליטישע געגנער איז געווען דאס וואס זיי (די סאציאל דעמאקראטען) זענען די איינציגע וואס זיינען פעהיג צו העלפען די ארבייטער — אט דיזעלבע סאציאל דעמאקראטען שעהמען זיך איצט ניט ארויסצוטרייבען פון לאנד אזוי פיעל פליכטלינגע פון דעם ארבייטער קלאס; די רעגירונג האט אפילו ניט געוואלט צוהערען די בקשה פון פיעלע וויענער ארבייטער יוניאנס, וועלכע האבען פארלאנגט אז די ארבייטער צווישען די פליכטלינגע זאל ערלויבט ווערען צו בלייבען אויפ'ן ארט. די סאציאל דעמאקראטישע רעגירער זיינען אזוי שטרענג אין דער ארויסטרייבונגס-גזירה אז ווי האלטען אין איין זוכען איבער דער שטאָדט, טאמער האט זיך פארוואלגערט וואו עס איז א „פרעמדער" אז זאין געבליעבען אזוי אונבאמערקט. צו דיזען צוועק ווערען באנוצט מיט גרויס ערפאלג די אזוי גערופענע „וואהנונגס אויסמעסטונגען". דיזע „אויסמעסטונגען" ווערען געמאכט אין דעם איצטיגען ווינטער כדי צו זעהן, אויב איינער פארנעהמט ניט צו פיעל צימערען, נאר אז מען האלט שוין ביים דורכקוקען די וואהנונג הייסט מען שוין די לייטע וואס וואהנען דארטען אז זיי זאלען ציינען אלע זייערע פאפירען, און ווען מען דערוויסט זיך פון דיזע פאפירען אז זיי שמעקען מיט „פרעמדקייט" הייסט מען זיי גלייך נעהמען דעם וועג.

אז די סאציאל דעמאקראטען האבען פארלוירען אין דיזען פרט יעדע שאנדע און ציינען זאגאר ארויס קלאהרע סמנים פון אנטיסעמיטיזם, קען מען זעהן באזונדערס פון דעם פאלגענדען פאל: די „קריסטליכע סאציאלע" וועלכע זיינען באקאנט פון לאנג אלס אידען-פיינד האבען מיט א קורצער צייט צוריק אויפגעהויבען נאך אמאל די פראגע וועגען די פליכטלינגע, פאדערענדיג חשבון פון דער רעגירונג פאר וואס זי האט זיי נאך ניט ארויסגעשיקט אזוי שנעל. אין דער דעבאטע וואס איז ענטשטאנען ביי דיזער געלעגענהייט האבען זיך באטייליגט אויך סאציאליסטען פון אנדערע שאטירונגען, און איינער פון זיי האט אנגעוויזען אויף דעם וואס אפילו דער באוואוסטער אידיש שער סאציאל דעמאקראט אסטערליץ (רעדאקטאר פון דער סאציאליסטישער ארבייטער צייטונג) איז אויך א שטארקער געגנער פון די פליכטלינגע. די אנגעוועזענע סאציאל דעמאקראטען האבען פרובירט כלומרשט פארענטפערען די ארויס טרייבונגס גזירה מיט פארשיעדענע תירוצים, ניט דערמאהנענדיג אז זי האבען א באזונדערען כעס געגען די אידען, נאר אט דיזער כעס זייערער האט זיך ארויסגעציינט אין דער רעוואלוציע וואס זיי האבען באלד אנגענומען, וועלכע האט געלויטעט, אז די רעגירונג דארף זיך צו-איילען ארויסצושיקען אלע פרעמדע וואס זיינען שעדליך פאר די עקאנאמיע פון לאנד, „באזונדערס די אידען פון די מזרח-לענדער".

אט דיזע ספעציעלע דערמאהנונג פון די „מזרח-אידען" אין פארבינדונג מיט דער אויסוואייזונגס גזירה, וועט בלייבען אלס שטענדיגער פלעק פאר די עסטרייכישע סאציאל דעמאקראטען. באטש עס איז אמת אז זייער אנטיסעמיטיזם האט אין דער פראקטיק ניט געבראכט די אידישע פליכטלינגע קיין באזונדערען שאדען ווייל די ארויסשיקונג פון לאנד פון „פרעמדע" בכלל האט געמוזט שפעטער אפגעשטעלט ווערען צוליעב די שטערונגען אין די עסטרייכישע אייזענבאהנען. אזוי האט עס פאסירט פארינע וואך אז עטליכע וואגאנעס אנגעפילט מיט פליכטלינגע, זיינען געסטאפט געווארן אויף א באפעהל פון „אויבען" ווייל די אייזענבאהן איז ניט געווען אין ארדנונג. די פליכטלינגע זיינען צוריקגעבראכט געווארען אין זייערע הייזער און וועלען דא פארבלייבען נאך אן אומבאשטימטע צייט. צום גליק פון די פליכטלינגע קען די גזירה וועגען זייער ארויסטרייבונג ניט דורכגעפיהרט ווערען מיט אזא שטרענגקייט ווי די עסטרייכישע פאליטישענס פון אלע לאגערען האבען געוואלט, ווייל אין דעם שלום אפמאך מיט די עליירטע האט זיך עסטרייך פארפליכטעט צו זארגען פאר דאס לעבען, אייגענטום און רעכטע פון די אונטערטאנען פון די עליירטע און זייערע קריעגס חברים. דער קאמיטעט וואס די פליכטלינגע האבען דא ארגאניזירט, האט זיך געוועהן צוליעב דער ארויסטרייבונגס גזירה מיט די דעלעגאטען פון דער שלום קאנפערענץ אין פאריז און האט זיי געבעטען צו טאן עפעס צו גונסטען פון דיזע אומגליקליכע. און מען מעג האפען אז די באמיהונג פון דעם קאמיטעט וועט ברענגען גוטע רעזולטאטען.

איך וויל דא אויך באמערקען אז די צווייטע גרופע אידען וואס שטעהט אויס איצט שרעקליכע צרות אין עסטרייך, זיינען די אידישע סטודענטען. דער אנטיסעמיטיזם אין די אוניווערסיטעטען האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה; דער אידישער סטודענט ווערט פארהאסט און פארפאלגט אויפ'ן שענדליכסטען אופן נישט נאר פון דעם עסטרייכישען קריסטליכען סטודענט, נאר אויך פון דעם פראפעסאר.

דעטראיט אויף דער לינקער זייט

(פעליטאָן)
פון ישראלי

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז א דעטראיטער בירגער, ווען ער איז ניט קיין באלשעוויק, צאהלט טעקסעס, היט שטרענג אפ אלע געזעצען און איז יום ולילה פארטאן אין בענשען גומל און אין זאגען ודוי — איז זיכער מיט'ן לעבען כל זמן ער האט דערצו אן ערלויבעניש פון די היגע באנדיטען, פון די אויטאמאביל-אייגענטימער און פון שכור'ע טעקסידרייווער.

דעטראיט איז א זעהר זיכערע שטאדט!

זינט דער שטאט מישיגען איז געווארען, אדער האט געזאלט ווערען טרוקען ווי א גאנצע זאמלונג „ביבלישע געזאנגען" פון חיים שוים, איז אין דעטראיט געווארען א מאדע צו טרייבען אויטאמאבילען מיט „בוז" אנשטאט מיט געזאלין...

און דאס איז א זעהר זיכערער „פעטענט".

„בוז" האט אין זיך די מעלה, וואס ער מאכט אז אן אויטאמאביל זאל פארלירען די כבוד צו לויפען אויף יענע גלייכע וועגען, אויף וועלכע עס געהען די פרומע און כשר'ע און ניכטערע בירגער. די מאטא פון'ם „בישטעהען טראפען" איז: „דרעה זיך אהער, דרעה זיך אהין און גיב א „טשענס" כאטש איינעם פון הונדערט בירגער דורכ-צוקרייצען וואודוואָרד סטריט מיט גאנצע ביינער".

און דאס האט אליין אנגעמאכט „פראהיבישאן".

דערצו נאך הערט זיך, אז גאר אין גיכען וועט אויף די גאסען פון דעטראיט ווערען נאך זיכערער. אונזער מעיאר, וועלכער פיהרט א ברוגז מיט דער קאר קאמפאניע (מסתמא האט ער א ערשטע קלאס „סטודאבייקער", קען ער זיך פארגינען ברוגז'ען...) פיהרט פארהאנדלונגען מיט דעם פאסיפיסטישען העגרי פארד, אז דער לעצטער זאל ארויסשיקען א „קאראוואן" מיט „פריעדליכע" אויטאָ-טראקס איבער די גאסען פון דעטראיט אלס קאנקורענץ צו די סטריט קארס און אירגענד וועלכער בירגער, וואס פארמאָגט א ניקעל אין קעשענע וועט האבען א פיעל שנעלערע געלעגענהייט גע'הרג'עט צו ווערען ווי יעצט.

דאס ווייזט אז אונזער מעיאר פיהלט די נויטען פון דער שטאדט דעטראיט.

וואס דעטראיט דארף יעצט אם-נויטיגסטען איז א ביסעל ווייניגער בירגער. ס'איז שרעקליך ענג! ....

און דאס ערגסטע איז, וואס די לענדלארדס זיינען דערפון געוואוירע געווארען און ס'האלט שוי דערביי, אז א האלבען שטאדט זאל געשלעפט ווערען אין ליס-קארט אויף דער קלאגע פון היימלאזער וואנאבונדעריי...

עס מוז דער כבוד פון א האלבער שטאט איינוואוינער גערעטעוועט ווערען דורך אזא אדער אנדער וועג... פריהער אדער שפעטער וועט מען מוזען מאכען א „קליען אפ" און עס זאל ווערען אביסעל גרוימער טא/זאל עס געמאכט ווערען פריהער! צו וואס וואַרטען ביז די זאך וועט אריין אין דער לאנגער באנק אריין?...

מען קען שוין אין דעטראיט יעצט געפינען מענשען, וועלכע טרוימען פון א פיער-צימערדיג הויז מיט א וואנע, ווי פון א גרויסען פאנטאסטישען אידעאל, און ס'איז ניטא קיין אויסזיכט, אז זייער אידעאל זאל ווען-עס-איז פארווירקליכט ווערען...

עס מוז געמאכט ווערען א ביסעל גראַמער אין דער שטאדט דעטראיט!

דאס איז — פארשטעהט איהר מיך — א שטאדט פון אויטאמאבילען און באנדיטען. און אזוי ווי די צאהל פון באנדיטען איז שוין לעצטענס געווארען כמעט אזוי גרויס ווי די צאהל אויטאמאבילען, איז שוין במלא פאר מענשען וואס זיינען ניט קיין באנדיטען און וואס קענען אויך קיין אויטאמאבילען ניט זיין — ניטא מעהר קיין פלאץ אין דעטראיט.

איינס פון די צוויי: אדער זאל מען א האלבע שטאדט ערקלעהרען פאר באלשעוויקעס און דעפארטירען קיין רוסלאנד, אדער מ'זאל סיסטעמאטיש אזוי זיך אונטער'הרג'ענען יעדען טאג אביסעל בירגער אין די גאסען, ווי עס פיהרט זיך דא די לעצטע צייט און — דאמאלסט איז דא א האפנונג, אז דער אידעאל פון פיער רומס מיט א באדע - צימער, וואס איז איצט אזא זיסער טרוים פאר מענשען, וועלכע האנדלען נאך דערוויייל ניט מיט אויטאמאבילען אדער מיט „ריעל-עסטייט". — וועט אפשר אמאל פארט פארווירקליכט ווערען...

ביי גאט איז אלץ מעגליך!

ביי גאט איז אפילו מעגליך, אז אין גיכען זאלען די ניגערס פון הייסטינגס סטריט ווערען אנטיסעמיטען או איבערלאַזען די גאס צו די אידען אליין.

אזעלכע ניסים פאסירען אפילו גאנץ זעלטען, ווייל זיי, די ניגערס, האבען אונז צו פיעל ליעב — אבער ביי גאט איז אלץ מעגליך!

און אז מיר רעדען שוין יא פון מעגליכע אוממעגליכקייטען, קען שוין אפשר אמאל געמאלט זיין, אז די „יונייטעד סטייטס פעיר פרייז קאמיטע" פון מישיגאן, וועלכע איז לעצטע וואך ארויס בחצוצרות וקול שופר, אז אט נעהט זי זיך אפרעכענען מיט די הויז שינדערישע לענדלארדס, און אט נעהט זי מאכען, אז שפייז זאל קאסטען א „ליטל נאטהינג", און נאך אזעלכע גליקען — אפשר?... אפשר וועט דאס אוממעגליכסטע, וואס האט נאך דערווייל ניט פאסירט אין ערגעץ, טאקע פאסירען ביי אונז אין דעטראיט און ס'וועט פארשריבען ווערען אין ספר הזכרונות, אז צום ערשטע מאל, זינט דער אויבערשטער האט באשאפען די וועלט, האט אן אונטערזוך באם קאמיטע געבראכט ממשות'דיגע רעזולטאטען? אפשר?..

אז מ'שמועסט פון נסים, איז ניט שייך לאגיק...

און עס קען אפילו פאסירען, אז די האלד-אפס און די מערדערייען, וואס געהען אן אין אונזער שטאדט זאל אביסעל אויפהערען, אבער... דאס איז שוין זעהט אויס אפילו דורך נסים אויך ניט מעגליך.

ווארים נאט געזאנט צו דער דעטראיטער פאליציי: „דו זאלסט זיך ניט וויי-זען אויף דער גאס און ניט אנטפלעקען זאלסטו דיין פנים פאר דיין דעטראיטער בירגער, ווייל ס'איז געפעהרליך"... נעהם שכירות און פויק אין-אלע גאסען, אז די טוסט וואונדער!"

אזו האט דער באשעפער געזאגט צו דער דעטראיטער פאליציי... און דערפאר קען שוין אזא נס, ווי די פארשווינדונג פון באנדיטען אין אזא שטאדט ווי דעטראיט ניט פאסירען.

און איך ענדיג מיט דעם וואס איך האב אנגעהויבען: א דעטראיטער בירגער, ווען ער איז ניט קיין באלשעוויק, צאהלט טעקסעס און איז יום ולילה פארטאן אין בענשען גומל און אין זאגען ודוי, קען מיט דער ערלויבעניש פו די היגע רויבער-באנדעס און שכור'ע, אויטאמאביל-טרייבער, זיך לעבען אזוי לאנג ביז ער שטארבט...

און דאן... איז שוין ביי איהם די הויז-פראגע אויך געלעזט.

מאנאטליכער באריכט פון אידישער נאציאנאל-פאנד ביורא פון אמעריקא.

55 פינפטע עוו., ניו-יארק, נ. י.
אריינגעגאנגען פון דעם 1-טען ביז דעם 31-טען יאנואר, 1920.

אלגעמיינע נדבות	$14,687.44
גאלדענבוך,	$728.00
בוימער נחלות	477.60
נ. פ. סטעמפס	$405.83
נאציאנאל-פאנד באקסעס	$1,158.21

דאוויד - האראראקער רעליעף סאסייעטי פון דעטראיט

א נאבעלע און מוסטערהאפטע ארבייט איז געטאן געווארען פון דיזער לאנדס-מאנשאפט.

ס איז גזאמעלט געווארען א ריזיגע סומע פון טויזענדער דאלארס פאר די אומגליקליכע, הונגעריגע נאך (אפשר) לעבעדיגע סקעלעטען פון אונזער אלטער היים. און מיט די שנעלסטע און בעסטע מיטלען פון די פיפעלס רעליעף באאמטע איז ארויסגעשיקט געווארען $15000.00 צו זיי אויף פסח. און ווי שנעל אן ענטפער וועט ערהאלטען ווערען, איז שוין דא און ווערט נאך געזאמעלט גרעסערע און נאך גרעסערע סומען פארטיג צום ארויסשיקען לאנדסלייט פון גאנץ אמעריקא שיקט אונז געלד, העלפט ראטעווען. מיר וועלען אייערע נעמען און בייסטייערונגען פארעפענט-ליכען אין דער אידישע פרעסע.

געלד זאל געשיקט ווערען אויף פאלגענדעם אדרעס:

דאוויד - האראראקער רעליעף סאסייעטי אוו דעטראיט מישיגאן, ק. גרינבערג, 189 אווען עוו.

ציון קאמאנוועלטה

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון פ. מ. ראסקין

זינט די מלחמה האט געמאכט א סוף צו די טעארעטישע פראגען אין ציוניזמוס, און זינט דער ציוניזם איז געווארען א פאקט — דער גרעסטער, מען מעג זאגען דער איינציגער פאקט אין אידישען לעבען — האבען די ליטענדע גייסטער פון דער באוועגונג, און יעדער ערנסטער איד, זיך גענומען שטעלען די פראגע: וואס דארף יעצט געטאן ווערען אום דעם ציוניזם אם בעסטען און אם שנעלסטען צו פארווירקליכען.

עס איז קלאר געווארען פאר יעדען פארנינפטיגען מענשען אז די צייט פון סתם רעדען און דעבאטירען וועגען ציון איז אריבער; און נאך עטוואס איז קלאר געווארען: אז ארבייטען דארף מען יעצט אזוי פאר ציון ווי אין ציון. די ארבייט פאר ציון איז געווען נויטיג כל־זמן מיר האבען געדארפט איבערציי־גען דער וועלט אז מיר זענען א פאלק, און אז אונזערע פאדערונגען אויף א נאציא־נאלער היימלאנד אין ארץ־ישראל זענען היסטאריש בארעכטיגט.

דער ציוניזם אין זיין ערשטער עפא־כע האט אלזא געמוזט זיין צום גרויסען טייל א באוועגונג פאר דער א ו ס ע ר ע ר וועלט; מיר האבען, אזוי צו זאגען, געמוזט דעמאנסטרירען פאר דער וועלט אונזער נאציאנאליטעט;

צוליעב דעם צוועק זענען נויטיג גע־ווען גרויסע אומפאנגרייכע קאנגרעסען, עפענטליכע דעמאנסטראציאנען, פאליטי־שע טעטיגקייט, דער איינפלוס פון דער וועלט־פרעסע א. א. וו.

יעצט אבער, ווען די וועלט האט אויף אן אונבאשטרייטבארען אופן אנערקענט אונזער נאציאנאליטעט און אונז פאר־שפראכען צו העלפען צו מאכען ארץ־ישראל פאר א אידישער היימלאנד, איז דער ציוניזם געווארען א באוועגונג פון ארבייט ניט פאר דער אויסערליכער וועלט, נאר פאר אונז אליין. אין אנדע־רע ווערטער, פריהער האבען מיר דעם ציוניזם ארויפגעווארפען אויף די פעלקער; יעצט האבען די פעלקער ארויפגעווארפען דעם ציוניזם אויף אונז.

פריהער האבען מיר גע'טענה'ט צו דער וועלט: „כל זמן איהר אנערקענט אונז ניט, קענען מיר גאר נישט טאן'; יעצט זאגט די וועלט צו אונז: „אונזער טייל האבען מיר שוין געטאן: מיר האַ־בען אייך אנערקענט; יעצט ווייזט וואס איהר קענט טאן".

אויף אזא אופן איז דער ציוניזם גע־ווארען א פראגע פון פראקטישער ארבייט אין ארץ ישראל.

יעצט פיהלען מיר, אז די מינוטען זענען טייער; מיר מוזען ארייננכאפען אלעס וואס איז מעגליך; מיר מוזען פארנעמען אלע מעגליכע פאזיציאנען; מיר מוזען אם שנעלסטען פארגרעסערען אונזער אידישע באפעלקערונג אין ארץ־ישראל. מיר מוזען זיך דארטען פאר־שטארקען און פארפעסטיגען. דאס פיהלען מיר און פארשטעהען מיר — וועגען דעם זענען מעהר קיין צוויי מיינונגען ניטא.

אויסער דעם האבען זיך די אומשטענ־דען געביטען און נאך זעהר א וויכטיגען פרט. פריהער האבען פיעלע פון אונז גערעכענט אז דער גלות וועט ענדליך לייזען די ארץ־ישראל פראגע; יעצט זעהען מיר, אז ארץ־ישראל מוז לייזען די גלות־פראגע. אין אנדערע ווערטער, פריהער האבען מיר ניט געגלויבט, אז ארץ־ישראל קען זיין א פאסענדער פלאץ פאר א באלדיגער גרויסער אידישער אי־מיגראציאן. יעצט זעהען מיר אז ארץ־ישראל מוז ש ו י ן געמאכט ווערען די היים פון צעהנדליגע און הונדערטע טויזענדער אידען. מיליאנען פון אונזערע ברידער זענען צעבראכען, רואינירט און היימלאז.

די וואס זענען לעבען געבליבען אין פוילען און אוקראינע, אין גאליציען און רומעניען, די וואס זענען איבערגעבליבען פון די קאלטשאקס און די דעניקינס די מוזען אויסוואנדערען. וואוהין? אלע לענדער זענען געשלאסען; אלע טויערען זענען פארמאכט, און ווען אפילו זיי זאלען ניט זיין געשלאסען איז מעהר ניטא קיין כח און קיין ווילען צו אנהויבען א נייעם לעבען אין דער פרעמד — א נייעם גהעטא־לעבען.

ארץ־ישראל איז יעצט דאס איינציגע לאנד וואוהין אלע אידישע אויגען ווענדען זיך, דער איינציגער שטראהל פון האפנונג, וואס האלט אויף דאס אויסגעמאטערטע מארטירער־פאלק ביים לעבען.

אויב מיר ווילען אלזא באמת העלפען אונזער פאלק, מוזען מיר גלייך אנפאנגען ווירקליכע ארבייט אין ארץ־ישראל.

איז אבער די פראגע: ווי אזוי.

אויף דער פראגע ענטפערט די אמעריקאנער ציון קאמאנוועלטה: דורך לאנד און ארבייט; אויסקויפען דאס לאנד און געבען ארבייט צו אידישע אימיגראנטען. עס איז שוין יעצט קלאר פאר יעדען, אז מיט נדבות וועט מען קיין פאלק און קיין לאנד ניט אויפבויען. פאר צ י י ט ו ו י י־ל י ג ע צוועקען זענען נדבות אומפאר־מיידבאר, אבער בויען א לאנד מיט זי קען מען ניט. ארץ־ישראל איז א פרוכט־בארעס לאנד, א לאנד וואס האט גרויסע מעגליכקייטען און א גלענצענדע צוקונפט. זי פאדערט ניט קיין נדבות, ניט קיין מתנות, נאר קאפיטאלען און ענערגיע, געלט און הענט. דאס האט די ציון קא־מאנוועלטה פארשטאנען און דאס איז דער סוד פון איהר גוואלדיגען ערפאלג. די ציון־קאמאנוועלטה איז געגרינדעט אויף א ריין־פראקטישען און געזונטען יסוד; לאנד איינקויפען אין ארץ־ישראל איז ניט נאר א שעהנער אידעאל, נאר אויך א שעהן געשעפט. די ציון־קאמאנוועלטה גיט אידען די מעגליכקייט צו ערווערבען זיך א נחלה אין ארץ־ישראל, וואס אהן דער הילף פון דיעזער קארפאריישאן וואלט ער עס בשום אופן ניט געקענט.

דער פלאן פון דער צ. ק. איז זעהר איינ־פאך. יעדער מיטגליעדער קויפט א געוויסע צאהל לאנד־סערטיפיקאטען. א סערטיפי־קאט קאסט 250 דאלאר און מוז אויסגע־צאהלט ווערען אין א משך פון זעקס יאהר. (אין 25 דריי־מאנאטליכע צאהלונגען, צו צעהן דאלאר פאר א סערטיפיקאט). פאר דעם געלט וואס די מיטגליעדער צאהלען איין ווערען שטיקער לאנד געקויפט אין ארץ ישראל און אידישע ארבייטער ווערען גלייך באשעפטיגט דאס לאנד צו באאר־בייטען, קולטיווירען און פארפלאנצען.

נאך די זעקס יאהר באקומט יעדער מיטגליעדער א „דיד" אויף זיין חלק לאנד. אזוי ווי די צ. ק. וועט קויפען לאנד אין ג א נ צ ן ארץ־ישראל (הויפטזעכליך ארום די שטעדט און די קאלאניען) איז זעלבסטפארשטענדליך אז דער פרייז פון לאנד וועט זיין ניט אומעטום גלייך. די צ. ק. וועט אבער אין יעדען פאל געבען דעם חבר אזוי פיל לאנד לויט דעם קאסט פון דעם באדען און פון דער ארבייט, אהן צו מאכען איינענער וועלכען פראפיט.

מען קען אננעמען אז ד ו ר כ ש נ י ט־ל י ך וועט יעדער סערטיפיקאט געבען דעם חבר ארום אכט דונאם (צוויי אקער) לאנד, אזוי, אז ווען א חבר קויפט צעהן סערטיפיקאטען, וועט זיין נחלה נאך זעקס יאהר זיין גענוג צו געבען אויף א לעבען צו מאכען פאר א פאמיליע. אויב א חבר איז געצוואונגען צו אפשטעלען זיינע צאהלונגען אין מיטען, ווערט זיין נחלה פארקויפט צו אן אנדער חבר און ער באַ־קומט 80 פראצענט פון אלע זיינע איינ־צאהלונגען. אויב א חבר קען זיך ניט באזעצען אין ארץ ישראל נאך די זעקס יאהר, ווערט זיין נחלה, אין א משך פון פיער יאהר, פארוואלטעט דורך די צ. ק. און ער באקומט די איינקינפטע פון זיין נחלה. אויב ער קען זיך ניט באזעצען אין ארץ־ישראל נאך די צעהן יאהר, דאן האט ער צוויי ברירות: אדער ער מוז זיין נחלה טראנספערירען צו אן אנדערען, אדער די צ. ק. פארקויפט זיין נחלה לויט דעם מארקעט פרייז און צאהלט איהם אוים 90 פראצענט פון דעם מקח. אזוי ווי דער מארקעט פרייז מוז אין זעקס אדער אין צעהן יאהר זיין פ י ע ל ה ע־כ ע ר ווי יעצט, ווייל לאנד אין ארץ־ישראל וועט זיכער שטייגען אין פרייז, איז קלאר, אז אויב אפילו א איד זאל זיך אליין ניט קענען באזעצען אויף זיין נחלה, וועט ער זיכער באקומען פיעל מעהר אלס זיין אינוועסטמענט.

די זיכערהייט פון דעם געלט איז ניט נאר גאראנטירט פון דער גאנצער ציוניס־טישער ארגאניזאציאן (פון וועלכער די צ. ק. איז א געזעצליכער טייל) און ניט נאר זענען איהרע דירעקטארען די פא־רנעהמסטע און פראמינענטסטע אידען פון אמעריקא, ווי ריכטער מעק, מרס. מערי פעלז, לואי קירשטיין, ראזענבלאט, פער־היימער און אנדערע, נאר די גאנצע פאר־וואלטונג ווערט באשטימט פון די חברים זעלבסט.

עס איז דעריבער קיין וואונדער, וואס אין א משך פון צוויי יאהר האט די צ. ק. שוין ערווארבען איבער 3,000 מיט־גליעדער וואס האבען אינוועסטירט א רו־מע פון מעהר אלס אנדערהאלבען מיליאן דאלאר. דער גרויסער ערפאלג ערקלערט זיך דערמיט וואס יעדער איד זעהט אין דעם א גרויסע מעגליכקייט צו ערווער־בען אן איינענטום אין ארץ־ישראל אויף לייכטע באדינגונגען און דאדורך וויל אויסקויפען דעם באדען ווי געבען ארבייט — געזונטע או שטארקענדע פעלד און גארטען ארבייט — צו אידישע ארבייטער.

אויף די אכט טויזענד דונאם לאנד וואס די צ. ק. האט שוין געקויפט לעבען חיפה, האט זי געגרינדעט די ערשטע נייע קאלאניע נאך דער מלחמה „באלפוריה" אויף וועלכער עס ארבייטען שוין פיעלע אידישע לעגיאנערען און אנדערע ארביי־טער. יעצט איז דער פרעזידענט פון דער צ. ק. מר. בערנארד ראזענבלאט, ווידער אפגעפאהרען נאך ארץ־ישראל צו פארענ־דיגען דעם איינקויף פון אנדערע שטרע־קען לאנד אויף וועלכער נייע אידישע קא־לאניען וועלען געגרינדעט ווערען.

די צ. ק. איז א ריין־אמעריקאנער אינ־סטיטוציאן, אינקארפארירט אין ניו־יארק, און פארשפרעכט צו ווערען דער שטארק־סטער פאקטאר אי דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג. אויף דעם מעגען אמע־ריקאנער אידען זיכער און מיט רעכט שטאלץ זיין.

פולער באריכט פון דער ערשטער זיצונג פון דעם אקציאנס־קאמיטעט קאנפערענץ אין לאנדאן

(שלום)
(צווייטע און דריטע זיצונג.)

די צווייטע און סדרית ח־ב)) —פ־
די צווייטע זיצונג פון דער אקציאנס קאמיטעט קאנפערענץ, ערעפענט זיך מיט־וואך, 11טען פעברואר נאכמיטאג, די ניט־מיטגליעדער פון דער עקזעקוטיווע זיינען אויסגעשלאסען פון דער זיצונג.

נאך א לענגערע דיסקוסיע, אין וועל־כער עס באטייליגען זיך קאהן, פישער, מאצקין, באדענהיימער און דר. האנטקע ווערט עס באשלאסען צוצולאזען צו די ספעטערע זיצונגען בלויז די דעלעגאטען פון פעדעראציעס, די איינגעלאדענע עקס־פערטען, און די הויפט־סעקרעטערע. די אלע גערעדן, און הסכם מיט דער רעזא־לוציע, צוגעלאזען צו דער זיצונג.

עס קומט פאר א דיסקוסיע, אין וועל־כער קאהן, פישער און מארמארעק קרי־טיקירען די ציוניסטישע פארשלעגע פאר'ן מאנדאט. קאהן גיט איבער זיינע אנשוי־אונגען און ערפאהרונגען פון זיין לעצ־טער רייזע נאך ארץ ישראל. דר. מארמא־רעק קריטיקירט און אלגעמיין די לייטונג פאר דער פאליטישער ארבייט. ער אונ־טערשטרייכט די מיינונג, אז די פיהרער האבען גאר ניט געטאן אום צוזוציהען צו דער ארבייט קרעפטען פון אויסער דער באוועגונג. אלע רעדנער זאגען זיך ארוים פאר א פריינדליכע באציהונג מיט די אראבער.

דר. ווייצמאן ענטפערט די פריהערדי־גע רעדנער: ער רעדט וועגען די שוועריג־קייטען, וועלכע די פיהרער האבען געהאט אין דער צייט פון דער מלחמה ביים אנ־פיהרען די פאליטישע טעטיגקייט, און ציינט אן די באדייטונג פון זייערע ער־רייכונגען.

ער שענקט גרויס אויפמערקזאמקייט צו דער פראגע מכח די באציהונגען מיט די אראבער און ציינט אן, דאס באלד פון אנהויב האבען די פיהרער פיעלעס געטאן און טוען נאך איצט אין דיעזער הינזיכט אלעס מעגליכעס צו פארשטארקען די באַ־ציהונגען. די ארבייט געהט אן מיט ער־פאלג.

ער ציינט אן אויף דער וויכטיגקייט פון דעם פאליטישען ראהט, וועלכער איז צונויפגעשטעלט געווארען דורך דעם פריי־דענס־אפמאך, און וואס דארף בלויז אנגע־פילט ווערען דורך ענערגישע ארבייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע מיט דער מיטווירקונג פון דעם גאנצען פאלק, וואס וועט פארפאלקאמען די גאנצע געביי־דע.

די דריטע זיצונג ערעפענט זיך דאנער־שטאג, דעם 12־טען פעברואר, אין דער פריה, מיט א רעדע פון נחום סאקאלאוו, וועלכער ענטפערט אויף פארשיעדענע פונקטען וואס זיינען ארויסגערופען גע־ווארען דורך מארמארעק, קאהען און פי־שער. ער מאכט קלאהר אויף וואס פאר א שטיינער עס איז געלונגען די פיהרער צו־צוציהען אויסערע קרעפטען. ער שטרייכט אונטער די פאליטישע שוועריגקייטען, וועל־כע זיי האבען באגעגנט אין דער פאר־גאנגענהייט, און מיט וועלכע מען וועט זיך מוזען רעכענען אין דער צוקונפט. און וואס וועט מוזען געהאלטען ווערען אין אויג אויב מען וויל נאר אנהאלטען דעם שיכות צווישען די פאדערונגען און מעג־ליכקייטען פון דער פארווירקליכונג. ענד־ליך בערופט זיך דער רעדנער אויף די באציהונגען פון דער ארץ ישראל פראגע פון איין זייט, און דער אלגעמיינער אי־דישער פראגע פון דער צווייטער זייט, און ערקלעהרט ווי וויכטיג עס איז זיך צו פארהאלטען צום ציוניזם און זיין שייכות צו דער גאנצער אידישער פרא־גע.

דר. באדענהיימער, ענטפערענדיג דעם פאריזיצענדען, באדאנקט די פיהרער פאר זייער ארבייט און די ערפאלגען, וועלכע זיי האבען ערדייכט. די פיהרער, זאגט ער, האבען זיך ארויסגעצייגט צו זיין די ווער־טע נאכפאלגער פון דר. הערצעל. ער ער־קלעהרט ווייטער, דאס די ציוניסטישע פארלאנגען זיינען אין פולען אנקלאנג מיט דער באזעלער פראגראמע, און דער־טאלען זיינען זיי זיכער מעהר בעניייפ־ליך אפילו פון די, וועלכע זיינען אוים־געארבייט געווארען אין הערצעל'ס טעג. ער דריקט אוים דעם וואונש, דאס אלע ציוניסטען פון דער גאנצער וועלט זאלען אין גיכען קענען נעהמען אן אקטיווען אנטייל אין דער ארבייט, וועלכע ערוואר־טעט זיי אין ארץ ישראל.

אויף דער פערטער זיצונג פון אקציאנס קאמיטעט, דאנערשטאג נאכמיטאג איז פארגעלעזען געווארען א דאקומענט וואס איז פון דער גרעסטער פאליטישער וויכ־טיגקייט פאר'ן ציוניזם אין איצטיגען מא־מענט.

דער דאקומענט איז באשטאנען פון א בריעף וואס דער פראנצויזישער פרעמיער מיניסטער, מאנסיע מילעראן האט צוגע־שיקט צו ה. נחום סאקאלאוו וועגען פראנקרייך'ס שטעלונג צום ציוניזם.

דער בריעף איז דאנערשטאג אין דער פריה דערהאלטען געווארען אין פאריז און אין דעמזעלבען אויגענבליק האט די פאריזער ציוניסטישע פעדעראציע, איבער־געשיקט טעלעגראפיש דעם אינהאלט פון דעם בריעף צו ה. סאקאלאוו.

דער בריעף פון דעם פרעמיער מיניס־טער לויטעט ווי פאלגט:

„איך האב גענומען אין אנבעטראכט די מיטטיילונג וואס איהר האט מיר צו־געשיקט דעם 9־טען פעברואר וועגען די ציוניסטישע פארשלעגע צו שאפען א אי־דישע נאציאנאלע היים אין פאלעסטינא. איהר דארפט ניט צווייפלען און איך האב דאס פארגניגען צו באציען די פאר־זיכערונג אז די אינטערעסע פון דער פראנצויזישער רעגירונג איז פארבליבען אין דער באשאפונג פון אזא נאציאנאלער היים אין דעם לאנד וואו עס איז ענט־שטאנען אייער ראסע. וואס איז אזוי רייך באשאנקען מיט לעבענס קראפט און אינטעלעקט.

„אלץ וואס עס קען נאר געטאן ווע־רען דיזען צוועק דורכצופיהרען, איז זי־כער צו האבען די אונטערשטיצונג פון פראנקרייך. האבענדיג אין זין די נערעכ־טע אינטערעסען און רעכט פון דער באַ־פעלקערונג פון אנדערע אבשטאמונג און גלויבענס וואס די געשיכטע האט זיי פאר־זאמעלט און צוזאמענגעמישט אין נאהענ־טען מזרח".

דער בריעף איז פון די פערזאמעלטע אויפגענומען געווארען מיט גרויס באגייס־טערונג. דערנאך איז ווידער פארטגעזעצט געווארען די דיסקוסיע וועגען דעם פאלי־טישען באריכט.

דר. קאצנעלענסאן האט ערקלעהרט, אז נאכדעם ווי ער האט געהערט די ער־קלעהרונג פון דר. ווייצמאן איז ער פאל־שטענדיג צופרידען מיט דער צוקונפטי־גער אנגאנג פון דער ארבייט. מר. זשאַ־זעף קאוען האט קריטיקירט די פאדע־רונגען וואס די ציוניסטען האבען ארויס־געשטעלט.

דר. דייכעס רעדענדיג אין נאמען פון די ענגלישע ציוניסטען, האט געזאגט, אז זיי האבען געהאט די געלעגענהייט צו באמערקען די גרויסע ארבעט פון דר. ווייצמאן און ה. סאקאלאוו, באזונדערס ווי־יעל זיי האבען געטאן אין ענגלאנד.

ער איז דאן ארויסגעטראטען געגען די ערנער וועלכע האבען אטאקירט די פיה־רער. ער האט געדאנקט די פיהרער אין נאמען פון די ענגלישע ציוניסטען און עזאגט אז די ערפאלגען פון דר. ווייצ־מאן און ה. סאקאלאוו האבען צום ערש־טען מאל געמאכט די ציוניסטישע ארגא־ניזאציע אין ענגלאנד פאר א שטארקע און וויכטיגע קערפערשאפט.

עס רעדט נאך מ. מירקורעל, דער רע־גענט פון עגיפטען.

דאן האט גענומען דאס ווארט דער פרעזידענט פון דער דייטשער ציוניסטי־שער פעדעראציע דר. קלעע, וועלכער האט אויסגעדריקט די פאלשטענדיגע איינשטי־מיגקייט פון די דייטשע ציוניסטען מיט דער פאליטיק פון די פיהרער. ער האט געזאגט אז די דייטשע ציוניסטען ארביי־טען מיט אלע זייערע כחות פאר דער ווידעראויפלעבונג פון פאלעסטינא. ער האט דערצעהלט וועגען דעם וואוקס פון דער באוועגונג די פראפאגאנדא און איינ־פלוס וואס די ציוניסטען האבען איבער דעם לעבען פון דייטשע יודענטום. ער ווינשט, אז אזא פראפאגאנדא זאל אנגע־פיהרט ווערען אין אלע לענדער, וואס זאל באשאפען א סימפאטישע אטמאספערע פאר'ן ציוניזם אין אלע אינטעלעקטועלע קרייזען. דר. קלעע האט, ענדיגענדיג, פאר־געשלאגען די פאלגענדע רעזאלוציע:

„אויסהערענדיג די ערקלעהרונגען פון דר. ווייצמאן און נחום סאקאלאוו, נאך אן אויספיהרליכער דעבאטע, דריקט דער אקציאנס קאמיטעט אוים זיין אונבאַ־גרענעצטע צוטרויען צום ענגערען אק־ציאנס קאמיטעט און באזונדערס צו דר. ווייצמאן און נחום סאקאלאוו. נעהמענ־דיג אין אנבעטראכט זייער זעלבסט אויפ־אפפערונג און ערפאלגרייכע ארבייט וואס זיי האבען אנגעפיהרט פאר דעם ציוניס־טישען אידעאל, איז זי באפאלמעכטיגט דעם אינערען אקציאנס קאמיטעט פארט־צוזעצען איהר ארבייט לויט דער איצ־טיגער פאליטישער ריכטונג".

דר. מאצקין האט אנאליזירט די גאנצע ארבייט פון די לעצטע יאהרען און ער האט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז די פאליטישע ציוניסטען, ווי דר. מארמארעק און יושאן פישער וואלטען רעכט געהאט מיט זייערע טענות, ליידער האבען זיי נישט באוויזען די דורכפיהרבארקייט פון אזעלכע פאדערונגען וואס זיי האבען ארויסגעשטעלט צו די פיהרער.

פראפעסאר ארנשטיין האט ערקלעהרט, אז די האלענדישע ציוניסטען זיינען פאל־שטענדיג איינפערשטאנען מיט דער אר־בייט פון די ציוניסטישע פיהרער. די האַ־לענדישע ציוניסטען האבען געפיהלט די ווירקונג פון דער ארבייט, דערמיט וואס ווייערע אייגענע מאכט אין האלאנד האט זיך פארגרעסערט.

דר. ניידיטש האט אין נאמען פון די ציוניסטען אין רוסלאנד אויסגעדריקט זיין דאנקבארקייט און פולען צוטרויען צו די פיהרער.

דר. בערנשטיין־קאהן האט געמאכט אן עהנליכע דעקלאראציע אין נאמען פון די ציוניסטען אין בעסאראביען.

דר. שמריהו לעווין האט דאן דער־צעהלט וועגען דעם ריזיגען פראגרעס פון דעם ציוניזם אין אמעריקא און די אונ־שעצבארע פארדינסטען וואס זיי האבען געהאט פאר'ן ציוניזם אין אלגעמיין. ער האט פארגעשלאגען א דאנק רעזאלוציע פאר די אמעריקאנער ציוניסטען. ער האט דאן אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיג־קייט צו בעטען די אמעריקאנער ציוניס־טען אז זיי זאלען צוגעבען ווענינגסטענס צו צוויי פארשטעהער צו די פיהרער פון די באוועגונג און צו דער ציוניסטישער קאמיסיע אין פאלעסטינא.

ער האט וועגען דעם פארגעשלאגען די פאלגענדע רעזאלוציע:

„דער אקציאנס קאמיטעט בעט די ציו־ניסטישע ארגאניזאציע פון אמעריקא צו באשטימען מינדעסטענס צוויי פארשטעה־ער צו דער ציוניסטישער קאמיסיע.

דערמיט האט זיך די פערטע זיצונג געשלאסען.

אידען אלס שופטים אין א קריגס געריכט.

דעם ערשטען יוני 1919 האט אויסגע־בראכען א שטארק געשלעג צווישען די פא־ליציי פון חיפה און צווישען א מצרישען ארבייטער־גרופע צווי מצרים זיינען גע־הארגעט געווארען. צעהן פאליציי לייט זיינען ארעסטירט געווארען און באשול־דיגט געווארען אין מארד.

אי חודש סעפטעמבער איז פארגעקומען א הריגות־געריכט מר. אלעקסאנדער אה־ראנסאן האט די אנגעקלאגטע פארטיידיגט דער משפט האט געדויערט דריי וואכען און זיי זיינען אלע פאר'משפט געווארען איינער צום טוים און די איבעריגע צו לאנגע יאהרען קאטארגע.

מר. אהרנסאן האט אפעלירט צו לארד אלענבי און דער לעצטער האט פאראר־דענט, אז מען זאל די באשולדיגטע אויף דאס ניי משפט'ען.

דעם צווייטען מאל איז דער קריגס גע־ריכט פארגעקומען אונטער דער פארזיץ פון מאיאר אבראמסאן, דער פראקוראר איז געווען דער קאפיטאן סעמועלס און די פארטיידיגער — קאפיטאן אלעקסאנדער אהרנסאן, מר רעדינג, דער ענגלישער באַ־אמטער פון זיכרון יעקב, און מר. סולי דער עקס־ פאליציי קאמישאנער אין חיפה.

דער משפט האט געדויערט 4 טעג און אלע זיינען ארוים פריי. דער רעזולטאט פון משפט האט אויפגעשוידערט חיפה איבערקויפט די קריסטען (צווישען די באַ־שולדיגטע זיינען געווען 7 קריסטען, 2 מו־סולמאנער או 1 איד). די קריסטען האַ־בען אויסגעשריען אין בית דין: נאט — הלוואי זאלע נאך אידען קומען קיין ארץ ישראל און אונז ארויסהעלפען אין אן עת צרה.

אויפ'ן פרעסטען אראביש־קריסטליכען המון (די גרעסטע טייל פון חיפ'ער זיינען קריסטליכע אראבער) האט דער משפט געמאכט זעהר א געווינשטען איינדרוק.

די אלגעמיינע יעהרליכע תל אביב פארזאמלונג

די באציהונגען צווישען די בעלי בתים און שכנים אין תל אביב זיינען אנגע־שטרענגטע שוין פון א לאנגער צייט. די בעלי בתים האלטען אין איין פארטיידי־גען זייער איינענטום רעכט, וועלכע ווערט פארשטענדליך אויסגעדריקט אין באגרע־נעצען די רעכט פון די שכנים, און די שכנים ווידער פאדערען א גלייכע דעה.

ה. דיזענהאף האט געעפענט די פאר־זאמלונג און אנגעדייטעט די פערספעק־טיווע וועלכע שטעהט פאר תל־אביב און האט איבער געגעבען דר. טאסענזאהן אנ־צופיהרען די פארזאמלונג.

דער ערשטער פונקט איז געווען די נקנות און באציהונג צו די בעלי בתים און שכנים.

נאך א שארפער דעבאטע אין וועלכע אפילו א רוב פון די בעלי בתים האבען זיך ארויסגעזאגט פאר פולע גלייכבע־רעכטיגונג פאר אלע איינוואוינער איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וועלכע לויטעט, אז ס'זיינען כמעט אין תל אביב נישט פאראן קיין „בעלי־בתים" און „שכנים" נאר אלע זיינען תושבים מיט גלייכע רעכטע און פליכטען.

פריש ווי פון אויווען ארוים
מאנישעוויטץ
מצה
„די מצה מיט אלע מעלות"

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל
אטאמאביל איינענטהימער
ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער נייע מאכען.
פריימס, בארעס, עקסעלס, פענ־דערס ווערען אויסגעגלייכט. געשוועיסט, געמאכט ווי נייע און גיגעמעלד.
רעדיאיטארס פעריכט און איבערגעבילד, און עקססטענשענס.
Michigan Radiator & Fender Repair Co.
723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 776

דער זיכערסטער וועג צו
שיקען געלט
צו אייערע קרובים אין
— דורך דער —
פיפלס רעליף
וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז
פאר פאסט קאסטען
490 הייסטינגס סטריט
געלט ווערט געשיקט אין אמע־ריקאנער דאלארס
2061

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

דינסטאג 9טער מארטש 1920

א תשובה צו דער לײדענדער פרוי ר. ב.

פון ב. י. ג—ן

אלערליי חאקטוירים, בעלי עצות, מאראליסטען, פרעדיגער און אנ־דערע פון דעם מין גוטע און וואילע מענשען האבען שוין געשריבען, גע־רעדט און געזוכט עצות צו דעם פאמיליען לעבען ווי עס איז איינגעארדענט אצינד, און צו אלע איבלען און חסרונות וואס עס טראגט מיט זיך און ביז איצט האבען זיי נאך זייער ארבייט נישט פארענדיגט.

ביז איצט האבען זיי נישט פארלייכטערט די איבלען, נישט פארמינ־דערט די ליידען און נישט פארקלענערט די חסרונות וואס מען זעצט אויס און וואס מען געפינט נישט אויסגעוועצטערהייד אין דעם פאמיליען לעבען.

דאס מיינט נישט אז די דאזיגע מענשען ווייסען חלילה נישט וואס זיי זאגען, און אז די ראטגעבער זיינען, חלילה נישט פארשטאנדיג גענוג צו באגרייפען און אומפאסען די פראגע.

ניין. דאס נישט.

אבער איין זאך לאזען זיי אויס. און נעמליך: מען קען קיין עצות נישט געבען פאר א זאך וואס האט צו טהאן מיט יעדען אינדיווידיום באַ־זונדער.

אום די עצות פאסיג צו מאכען פאר אלעמען, וואלט מען באדארפט איטליכען פאר פאלק א באזונדער עצה צו שיקען דורך דער פאסט.

ווארים דאס וואס עס איז א חסרון פאר איין פאר פאלק איז גראד א מעלה פאר א צווייטען פאר פאלק, און דאס זעלבע פארקעהרט.

עס זיינען אבער דא אין פאמיליען לעבען ענינים וואס קענען פאר־ענטפערט ווערען נים דוקא באזונדער, נאר בדרך כלל, און אלגעמיין.

א פרוי וואס חתמ'עט זיך „די ליידענדע פרוי, ר. ב." שרייבט מיר פאריגע וואך אריין א בריוועל און זאגט אז עס איז פאראן איין פרא־גע, וואס איז נוגע דעם כלל פאמיליען לעבען, און דער ענטפער וואס קען דערויף געגעבען ווערען איז איך אזעלבער וואס קען צוניין קומען אלעמען.

איך קען נישט איבערגעבען איהר בריעף ווי ער איז געשריבען גע־ווארען, ווייל ער ענטהאלט ערשטענס אויך אזעלכע פראגען, אויף וועלכע מען קען אין קיין ארטיקעל נישט פארענטפערען, און עס וואונדערט מיך טאקע אויף דער ליידענדער פרוי „ר. ב." וועלכע זעהט אויס צו זיין פארשטאנדיג און אינטעליגענט, אז זי זאל אויף אזעלכע פראגען וועלען האבען אן ענטפער אין אן ארטיקעל.

פאראן אבער איין שטעל אין דעם בריעף וואס לייענט זיך אומגעפעהר אזוי:

„איך גלויב נישט אין קיין עצות, דעמאלט ווען די געפיהלען צו די קינדער זיינען היים. אבער איך וויל וויסען אייער מיינונג ווי אזוי צו האנדלען אין צייט ווען איך, א מאמע, פון קינדער, דארף ליידען פון א מאן א „קרענק". שטענדיג פיהרט ער אן קאפריזנע ברוגז'ן, שטענדיג האט ער ארגומענטען דורך וועלכע ער פאר'מיאוס'ט מיר דאס לעבען. איך לעב אין טעג פול מיט ברוגז און פול מיט ארגומענ־טאציע. פאראן צייטען וואס איך וואלט איינינעם געטאן אבי פטור צו ווערען פון אזא לעבען, אבער — די קינדער. זיי האלטען מיך געשמיעדט".

כמעט אזוי שרייבט די מרס. ר. ב. און דער ענטפער איז אט וואס:

ווען איך וואלט געוואוסט ווי לאנג די מרס. ר. ב. איז פארהייראט וואלט מיר לייכטער געווען צו וויסען וויפיעל עס איז שוין אז זי פיהרט אזא לעבען. אבער ווי עס זאל נישט זיין איז דאס אפנים שוין נישט פון איין יאהר. און נישט קוקענדיג דערויף וואס איך ווייס נישט דעם כאראקטער פון ביידען, ווייס איך אבער, אז עס זיינען פאראן גאר א סך פאר פאלקען וואס לעבען מיט ארגומענטאציעס. און דאס איז דערפאר וואס זיי האבען נישט געקענט אדער נישט פארשטאנען אויסצופארמירען צווישען זיך אן אינטימע פריינדשאפט וואס באדארף פארנעהמען דאס פלאץ פון אמאלי־גער ליעבע.

האט מען קינדער און קען מען נאך קאנסערווירען די שעהנע מאמענ־טען פון די גאלדענע חדשים, דאן איז עס נישט שווער פאר יעדער פאר פאלק אנצוצינדען אזא אינטימע פריינדשאפט, וואו ארגומענטאציע און ברוגז'לעך זאלען נישט עקזיסטירען, אדער זאלען כאטש נישט זיין קיין טאג טעגליכע פלאגעניש.

און קיין מאל איז עס נישט צו שפעט.

ביידע, און דער עיקר דער מאן, דארף נאר האבען א ווילען דערפאר.

פארנאכלעסיגט מען דאס, דאן איז דאס נישט נאר א פלאג פאר זיך, נאר אויך א רואינע פאר די קינדער. די קינדער וואס וואקסען אויס אין א סביבה פון קריעג און ארהמריסערייי, קענען זעלטען ווען אויסוואקסען אזוי לייטיש ווי די עלטערן וואלטען געוואלט.

הערבסט מאטיוען

פון אסתר בעקערמא

וואו איך קוק זיך נאר ארום,

זעה איך אויף די ביימער —

בלעטער — געל, פארוועלקט אהן קראפט —

קלעמט דאס הארץ מיר — טרוימער!

זעה איך גרויע וואלקען ציהען

טרויעריג דורך די לופטען —

הויבט מיין הארץ אן בענקען שטארק!

שטארק נאך בלומען־דופטען.

הומאר און וויץ

טראכט וועגען דער מאמען.

בעריל — דו ארבייטסט ביי שעלם און פארדיענסט גוטע געלד, האסטו כאטש אין געדאנק דיין מאמע אויך?

שמעריל — געוויס! יעדע נאכט ווען איך גיי שלאפען טו איך א טראכט וועגען דער מאמע!..

דוד דרובין.

גאר פשוט

מנשה — פון וואנען ווייסטו דאס אזוי, יוסף.

יוסף (אין איילעניש אפבאפעגדיג) פון אפטייק לויף איך.

מנשה (מיט א תמימות'דיגע מינע) — וואס זשע חלילה א קינד איז ביי דיר ניט געזונד. —

יוסף — ניין! איך האב דארטען גע־קויפט א פאר פונטעלאך ציבעלעס!..

דוד דרובין.

דעטראיטער פאליציי

צוויי פאליסלייט האבען זיך צוזא־מענגעטראפען אין טריין. איינער איז גע־ווען א דעטראיטער און דער צווייטער פון דער וועסט.

זאגט דער צווייטער: — ביי אונז אין דער וועסט זענען די פאליסלייט פע־היגער ווי ביי אייך אין דער איסט, ביי אונז אין דער וועסט אז ס'פאסירט ער־גען א גנבה איז אין 24 שעה ארום ווייסען שוין די פאליסלייט פון דער גנבה און פון'ם גנב.

צעלאכט זיך דער דעטראיט'ער פא־ליסמאן: — אויך מיר א בריה'שאפט. ביי אונז ווייסען מאנכע פאליסלייט פון דער גנבה און דעם גנב נאך מיט 24 שעה פריהער, איידער די גנבה האט פאסירט.

מ. יענטאן.

שייך צוטראגען

א צוטראגענער פראפעסאר איז אהיים געקומען ביינאכט או זאין דרויסען איז געגאנגען א נאס רעגען.

ווען ער איז נאר אריין אין שטוב, האט ער זיין אמברעלא אריינגעלעגט אין בעט און אליין האט ער זיך אוועקגעשטעלט אין סינק אויף א גאנצע נאכט.

פערדעדם צום טויט

נאכדעם ווי א בארבער האט אפגע־מוטשעט א קאסטימער זייענם מיט א לאנגען מאנאלאג, אנפאנגענדיג ווען ער איז נאך א קינד געווען און ענדיגענדיג מיט דעם וועטער אין דרויסען, האט זיך דער קאסטימער אויסגעגלייבט און א זאג געטאן: —

— ניין, האב איך עס געבטען געהאט א ביזי טאג.

— מיט וואס? — האט דער בארבער געפרעגט.

— געטויטעט א בער.

— א בער?

— יעס, א בער.

— געשאסען מיט א ביקס? — האט געפרעגט דער בארבער.

— ניין!

— מיט א רעוואלווער?

— ניין.

— מיט א מעסער?

— ניין.

— אום הימעלס ווילען, מיט וואס זען האט איהר דעם בער געטויטעט? — האט דער בארבער מיט שרעק גע־פרעגט.

— גאנץ איינפאך — האט דער קאס־טימער געענטפערט — כ'האב איהם גע־בונדען, אוועקגעזעצט אויף א שטוהל און איהם דערצעהלט אזא נודנע מעשה און אזא לאנגע, דאס ער איז אוועקגעפגר'ט נאך איידער איך האב די מעשה געענדיגט.

א ציגיינערס נדר

ביי א ציגיינער איז אמאל שטארק פארשלאפט געווארען זיין פרוי. זייענדיג געליעגע, האט ער א נדר געטאן, אז ווי באלד זיין פרוי וועט געזונד ווערען וועט ער פארקויפען זיין איינציגען פערד און דאס גאנצע געלט וואס ער וועט פאר איהם נעהמען וועט ער אוועקשיקען פאר ארעמלייט. עס איז אוועק א שטי־קעל צייט און זיין פרוי איז געזונד גע־ווארען.

מוזענדיג אויספיהרען זיין נדר, האט זיך איהם ניט זעהר געגלוסט אוועקגע־בען אזא גרויסע סומע געלד פאר ארימע לייט, נור ער האט זיך ניט געקענט העל־פען. א נדר איז א נדר..

עס איז געקומען דער מארק־טאג, האט דער ציגיינער גענומען זיין פערד איהם פיהרען אין מארק פארקויפען. אין דער זעלבער צייט האט ער אויך מיטגענומען זיין קאץ מיט זיך.

שטעהענדיג אין מארק איז צוגעקו־מען א קונה און פרעגט וויפיעל ער וויל פאר זיין פערד.

— דרייסיג קאפיקעס, — ענטפערט איהם דער ציגיינער.

— מיינסטו דאס ערנסט?! — פרעגט איהם דער קונה ערשטוינט.

— גאנץ ערנסט.

— דא האסטו דרייסיג קאפיקעס און גיב מיר דעם פערד.

— איך קען דיר אבער פארקויפען דאס פערד מיט דעם תנאי אז דו מוזט קויפען די קאץ אויך — ענטפערט דער ציגיינער.

— גאנץ גוט! איך וועל קויפען די קאץ אויך. וויפיעל ווילסטו פאר איהר?

— הונדערט קערבלאך.

— ביסטו ביי דיין קלאהרען פאר־שטאנד?! אזוי טייער פאר א פשוט'ער קאץ? — האט ער געפרעגט פארוואונ־דערט.

— יא, נישט בילינער, און מוזט ווי־סען, אז אהן דער קאץ קענסטו דעם פערד ניט קויפען.

דער קונה זעהענדיג אז ער וועט גאר ניט קענען אויסדינגען ביי איהם, האט ער איהם באצאהלט 30 קאפיקעס פאר דעם פערד און 100 קערבלעך פאר דער קאץ.

דער ציגיינער האט די הונדערט קערב־לעך גענומען זיך און די 30 קאפיקעס פאר דעם פערד האט ער געגעבען פאר ארימע לייט און מקים געווען א נדר.

א שעהנער טעות.

א קרעמער לאזט איבער זיין קליינע טאכטער אין סטאר און זאגט איהר אז זי זאל נור פארקויפען לויט דער פרייז וואס אויף די ארטיקלען איז אנגעשריי־בען.

צוריק קומענדיג געפינט ער 36 דא־לער.

— וואס האסטו פארקויפט? — פרעגט ער איהר.

— א דאזען זיידענע העמדער פון דער דאזיגער באקס מיט אן אויפשריפט 36.

— סטייטש, זיי קאסטען דאך מיר אליין פערציג דאלאר. דער אויפשריפט איז דאך דער סייז!

— וואס ווייס איך? איך האב גע־זעהן 36, האב איך געמיינט ס'איז די פרייז, ניט די סייז.

ראזע ל. ראזנער.

ציון־קאמאנוועלטה

א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אויסקויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש־ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער ציוניסטישער לאנד־אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אידען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארבייט.

א גרויסע געלעגענהייט, וועלכע קיין איד זאל ניט פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט גערן געבען אלע אויסקינפטע. זיך ווענדען האטעל פאנט־שעלבי.

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
רושאדוש דזשוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברוידי
בערנארד א. ראזענבלאט

ציון קאמאנוועלטה, 55 — 5טע עוועניו, ניו יארק.

די בארימטע

ר' ב מאיר לאנדאן'ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד כאטש ביליגער ווי גע וועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס!

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder Cherry 6203

וואטשט מארגען אין „וועג"

פאר א פולע ליסט

רעסיטס און אונטערשריפטען אויף געלדער וואס זיינען איינגעצאהלט געווארען אויף יענער זייט ים

גאלדמאן בראס,

399 הייסטינגס סטריט

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאַן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 179 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Wednesday, March 10th 1920 Vol. 2, No 24 מיטוואָך מאַרטש 10, 1920.

סאָוועטען האַנדעלס קאָמיסיע פאָהרט אָפּ קיין לאָנדאָן

מאָסקווא מאַרטש 9 — אַלע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען, דורך וועלכע די סאָוועטען רעגירונג וועט האַנדלען מיט דער אויסערליכער וועלט, וועלען זיין פאַרטראָטען דורך וולאַדימיר קינטשול (הינטשוק) אין דער קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרען אָפּצופאָהרען קיין לאָנדאָן.

וולאַדימיר קינטשול איז דער ערשטער פּאַרזיצענדער פון די קאָ־אָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען. ער איז אַ מענש פון אַ מערקווירדיגער פערזענליכקייט. ביז ניט לאַנג צוריק איז ער געווען אַ מענשעוויק און אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון באָלשעוויזם. ער האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905. ער איז אַרעסטירט געוואָרען און פאַרשיקט געוואָרען קיין סיביר, וואו ער האָט פאַרבראַכט 12 יאָהר.

ער האָט היינט ערקלעהרט די ענטוויקלונג פון די קאָ־אָפּעראַטיוועס אַלס אַ טייל פון דער מאַשין, דורך וועלכער די סאָוועטען רעגירונג וועט אָנפיהרען איהר קאָנסטרוקטיווע טעטיגקייט.

„ס'איז ניט קיין סוד פאַר די עלייעס דאָס אונזער עקאָנאָמישע פּאָזיציע איז שלעכט, — האָט קינטשול געזאָגט, — אָבער זי איז ניט האָפנונגסלאָז. ניט קוקענדיג אויף די פיער יאָהר מלחמה וואָס מיר האָבען געפיהרט געגען דייטשלאַנד און מעהר פון צוויי יאָהר ציווילען קריעג, האָבען מיר געשפּייזט דאָס פאָלק, און די קאָ־אָפּעראַטיוועס זענען געווען די איינציגע קוועלען פאַר דעם. זיי ווערען היינט אָנגעפיהרט אַלס אַ רעגירונגס טעטיגקייט דורך דער צענטראַלער פאַראייניגונג פון די קאָ־אָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען.

לעזונג פון טראַנספּאָרטאַציאָנס פּראָבלעם איז די הויפּט פראַגע אין רוסלאַנד

מאָסקווא, מאַרטש 9 — מ. קראַסין קאָמיסאַר פון האַנדעל און קאָמערץ, וועט זיין איינער פון דער קאָמיסיע, וואָס וועט געשיקט ווערען קיין ענגלאַנד, צו דיסקוטירען דאָס אַנייעם פון האַנדעל מיט סאָוועט רוסלאַנד דורך די קאָ־אָפּעראַטיוון.

מ. קראַסין האָט אַרויסגעגעבען אַ סטייטמענט, אין וועלכען ס'ווערט אָנגעוויזען, אַז די הויפּט פראַגע היינט־צו־טאָג אין רוסלאַנד איז די לעזונג פון דער טראַנספּאָרטאַציאָנס פּראָבלעם.

„מיר נויטיגען זיך זעהר אין דער באַלדיגער הילף פון מערב־אייראָפּא און הויפּטזעכליך אין לאָקאָמאָטיוון און אין וואַגאָנען מאַשינען" — האָט מ. קראַסין ערקלעהרט, — די רעגירונג איז פאַרנומען מיט'ן בויען פון אייזענבאַהנען און 3000 בריקען זענען שוין צוריק אויפגעבויט געוואָרען."

„רוסלאַנד איז גרייט צו צאָהלען פאַר גוטע לאָקאָמאָטיוון, מאַשינען א. ד. ג. אַמעריקאַנער לאָקאָמאָטיוון זענען ווינטשענסווערט, אָבער אַנדערע סאָרטען, איבערהויפּט די פראַנצויזישע, וועלען אויך ניט זיין שווער צו באַנוצען. אַנשטרענגונגען וועלען געמאַכט ווערען צו פאַרגרינגערן די עקספּאָרטאַציע און די רעגירונג זאָגט צו צו באַשטימען אַ געוויסע צאָהל לאָקאָמאָטיוון אויף די ליניעס אין די געגענדען, וואו ס'געפינען זיך מאַטעריאַלען פאַר עקספּאָרט.

ס'איז ניטאָ קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגען דער ריכטיגער צאָהל, אָבער ס'איז דאָ זעהר פיעל פלאַקס, וואָהל, ווייץ, פוטער, אייער, אויסער אַנדערע נויטיגע אַרטיקלען. די תבואות וואָס זענען אַראָפּגענומען געוואָרען פון די פעלדער אין די יאָהרען 1915־1916, זענען טיילווייז נאָך ניט באַריהרט, ווייל זינט דער מלחמה איז קיין עקספּאָרט געווען. קליידער שיך, מעדיקאַמענטען און אַנדערע אויסגעאַרבייטע אַרטיקלען זענען פאַר אונז נויטווענדיג אין גרויסע צאָהלען."

„איינע פון אונזערע אינדוסטריעס, מיט דער אויסנאַהמע פון געוויסע מאַשינען, קענען צוריקאויפגעבויט ווערען אָהן אויסערליכער הילף, ווי למשל, די וועבעריי־אינדוסטריע. 12 מיליאָנען פונט באַוואָל וועלכע געפינען זיך אין טורקעסטאַן וואַרטען אויף טראַנספּאָרט; און דער וואָהל־זאַפּאַס נעהנטער צום צענטער איז גענוג צו פאַרזיכערען די פאַבריקען מיט פּראָדוקציע."

„די גרויסע אינערליכע קראַפט פון דער רוסישער אינדוסטריע ליגט אין דעם פאַקט, וואָס זי די אינדוסטריע, באַלאַנגט צום אַרבייטער פאָלק. אַלע אַרבייטער ווילען אַרבייטען ווי איין מענש, כדי אַוועקצושטעלען אויף אַ פעסטען באָדען רוסלאַנד'ס עקאָנאָמישע לאַגע."

50 דעטראָיטער „רויטע" באַפוילען צו דעפּאָרטירט ווערען

דער הויפּט אימיגריישאַן אָפיסער, פּ. ל. פּרענטיס, האָט ערהאַלטען באַפעהלען צו דעפּאָרטירען נאָך 50 פון די 450 סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען דאָ אַרעסטירט געוואָרען אין אַן איבערפאַל פון פעדעראַלע באַאַמטע.

עס ווערט אָבער ערקלעהרט, אַז דיא באַטרעפענדע 50 סאָציאַליסטען וועלען ניט דעפּאָרטירט ווערען כל זמן דער באַפעהל וואָס איז לעצטענס אַרויסגעגעבען געוואָרען צו סטאָפּען דעפּאָרטירונגען נאָך צענטראַל אייראָפּא וועט ניט צוריקגעצויגען ווערען.

250 אַרעסטירטע ראַדיקאַלען, ווערען נאָך אַלץ געהאַלטען אין פאָרט וויין, די איבעריגע זיינען אַרויסגעלאָזען געוואָרען אויף בייל.

אין פאַרלויף פון דער צייט וואָס דיא אַרעסטירטע זיינען געזעסען אין פאָרט וויין, האָבען פיער געמאַכט פּליטה פון געפאַנגענשאַפט. איינער פון זיי איז געכאַפּט געוואָרען.

מר. פּרענטיס האָט ערקלעהרט, אַז די אַרויסגעלאָזענע אויף בייל, וועלכע וועלען דעפּאָרטירט ווערען, וועלען פאַרלויפיג ווייטער בלייבען שטעהן אונטער זייערע באָנדס ביז ווייטערע אינסטרוקציעס פון דער העכערער מאַכט.

קיין סטרייק, זאָגט צו עלען באַרקער

וואַשינגטאָן, מאַרטש 9 — עלען באַרקער, פּרעזידענט פון דער שאַפּמען ברידערהוד האָט היינט ערקלעהרט, דאָס זיין אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסען ניט צו סטרייקען.

„מיר פיהלען ניט, דאָס מיר זאָלען האָבען געקראָגען אַן עהרליכע באַהאַנדלונג, אָבער מיר וועלען נאָכפאָלגען די איבעריגע ברידערהויז, — האָט מר. באַרקער געזאָגט — מיר וועלען זעהן, וואָס דער נייער פּלאַן מיינט פאַר די באַהן אַרבייטער."

פאָרד'ס גאַזאָלין קאַרס אונטערזוכט פון מעיאָר קאָוזענס

מעיאָר קאָוזענס און מיטגליעדער פון סיטי קאָונסיל, האָבען מאָנטאָג באַזוכט דעם דירבאָרן טרעקטאָר פּלענט און עס איז פאַר זיי דעמאָנסטרירט געוואָרען די נייע „פאָרד גאַזאָלין סטריט־קאַר", וואָס זוכט דאָ איינצופיהרען אַלס קאָנקורענץ צו די עקזיסטירענדע קאַרס פון דער קאָמפּאַניע.

דער מענעדזשער פון'ם טרעקטאָר פּלענט, אונטער וועמעס אויפזיכט די נייע קאַרס ווערען פאַרפערטיגט, האָט ערקלעהרט, דאָס עס וועט נאָך נעהמען וועניגסטענס אַ מאָנאַט אויב ניט גאַנצע 6 וואָכען, ביז די נייע קאַרס וועלען קענען אַרויספאָהרען פון דעטראָיט קיין שיקאַגאָ, איבער די ליניען פון דער מישיגאַן סענטראַל.

דעטראָיטער חשוב'ער איד שטאַרבט פּלוצלונג!

מר. פרענק, וועלכער האָט געהאַט אַ גראָסערי, אויף 1196 ענטווין סט. איז נעכטען פריה געפונען געוואָרען פון זיין שותף מר. לעווין, אַ טויטער אין זיין בעט.

דער פאַרשטאָרבענער איז געווען זעהר אַ חשוב'ער איד. ער איז אין דער יוגענד אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואו ער האָט געאַרבייט פיעל פאַר דער אויפלעבונג פון דעם אידישען לאַנד. ניט לאַנג צוריק איז ער געקומען אין דעטראָיט, זיין פאַמיליע געפינט זיך נאָך אַלץ אין פּאַלעסטינאַ.

מר. פרענק איז געווען אין די פופציגער יאָהרען, די אורזאַכע פון זיין פּלוצלונגען טויט איז דערווייל אומבעקאַנט.

דעטראָיטער מאַנופעקטשורערס פּלאַנעווען באָיקאָט אַלס רעזולטאַט פון קוילען קריזיס

„נעהמט אוועק די נויטיגע קוילען פון מישיגאַן סטייט און די אינדוסטריען פון דעטראָיט און אַנדערע שטעדט פון דיזען סטייט וועלען פאַרקריפּעלט ווערען".

אַט דאָס איז די וואָרנונג, וואָס די היגע באָארד אָוו קאָמערס האָט אַרויסגעשיקט צו מאַנופעקטשורערס און אַנדערע גרויסע סוחרים אין אַ געשריבענער איינלאַדונג צו אַ מיטינג קומענדען דאָנערשטאָג בנוגע דער קוילען־פראַגע.

פאַראינטערעסירטע אין דיזער פראַגע ערקלעהרען, אַז דער קוילען מאַנגעל אין מישיגאַן סטייט קען ברענגען דערצו, אַז הונדערט טויזענד מענשען וועלען בלייבען אָן אַרבייט אין דעטראָיט אַליין. כמעט יעדע גרויסע אינדוסטריע פון דעטראָיט און פון אַנדערע מישיגאַן שטעדט, זיינען יעצט געבליבען אָן קוילען־זאַפּאַסען און אָפּערירען זייערע פּלענטס אויף די קוילען וואָס זיי קריגען יעדען טאָג אַריין. זאָלען זיי אַ פּאָר טעג ניט קריגען קיין קוילען, דאַרפען זיי אָפּשטעלען די פאַקטאָרים.

עס ווערט ערקלעהרט, אַז וואַשינגטאָן איז גאַנץ גלייכגילטיג צו דעם קוילען־קריזיס, וואָס מישיגאַן סטייט מאַכט יעצט דורך. מען מאַכט זיך דאָרטען ניט וויסענדיג פון דער גאַנצער אָנגעלעגענהייט און דאָס אַנטזאָגען צו באַוויליגען אַ גאַראַנטיע פאַר אַ גענוגענדען קוילען־סופּלאַי, איז אַ רעזולטאַט פון דער רעגירונגס־גלייכגילטיגקייט צו דער לאַגע.

מאַנופעקטשורערס פון דעטראָיט און פון אַנדערע מישיגאַן שטעדט, וועלען ביים דאָנערשטאָג'דיגען מיטינג געבעטען ווערען זיי זאָלען לאָזען וויסען די סוחרים און פאַבריק אייגענטהימער פון לאַנד, וועלכע באַנוצען זיך מיט זייערע פּראָדוקטען, אַז עס איז זייער אויפגאַבע צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע פאַרטרעטער אין קאָנגרעס, אַז מישיגאַן קען ניט פּראָדוצירען קיין סחורות אָהן קוילען.

עס ווערט אויך געפּלאַנעוועט, צו לאָזען וויסען אין וואַשינגטאָן, אַז די שטאָהל און אייזען פון פּענסילווייניא און אָהייאָ וועלען דאָ ניט קענען פאַרקויפט ווערען, אין פאַל מישיגאַן בלייבט אָהן קוילען, ווייל אַן אַרבייטסלאָזע באַפעלקערונג קען ניט קויפען.

פיעלע קאָמערציעלע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע שטעדט האָבען זיך שוין ערקלעהרט וויליג צו שיקען זייערע פאָרשטעהער צום דאָנערשטאָג'דיגען מיטינג און מען רעכנט אַז דער טומעל וועט באַוועגען די רעגירונג עפּעס צו טאָן אין דיזער אָנגעלעגענהייט.

שייכות צווישען מיילס־טעאַטער רויבעריי און האָטעל טולער טראַגעדיע

א דאַנק אַן אַרעסט פון די דריי באַנדיטען, וועלכע האָבען לעצטען מאָנטאָג באַרויבט מיילס טעאַטער אויף $5,200 האָפט די פּאָליציי צו [illegible] די געהיימניס פון דעם פאַל אין האָטעל טולער און עס איז גאַנץ מעגליך, אַז די זעלבע באַנדיטען וואָס האָבען באַרויבט דעם מיילס־טעאַטער האָבען אויך געמאַכט אַ „האָלד אַפּ" אויף טשאַרלס ראַדזשערס און איהם דערנאָך אַראָפּגעוואָרפען פון 9טען פלאָר, האָטעל־טולער.

די דאָזיגע השערה איז אַרויסגעוואַקסען פון דעם פאַקט, וואָס איינער פון די דריי אַרעסטירטע באַנדיטען, פרענק האַנפנער, איז אַ וועכטער פון האָטעל טולער, און דער צווייטער, וויליאַם קאַרדינאַל, איז איינגעשטאַנען אין אַ רום אין האָטעל טולער אויפ'ן זעלבען פלאָר, וואו ראַדזשערס איז איינגעשטאַנען און דער דריטער תחשיט איז דזשאָרדזש א. בראַון, אַ טעקסי־דרייווער.

א באַשטעטיגונג אויף דעם פאַרדאַכט, אַז ראַדזשערס איז ניט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָר ערמאָרדעט געוואָרען, איז דער פאַקט, וואָס דער האַלב־פאַרענדיגטער בריעף, וואָס מען האָט ביי ראַדזשערס'ן געפונען, אַדרעסירט צו זיין זוהן אין סט. לואיס, ווייזט אַז דער מענש איז געווען ווייט פון אירגענד וועלכען געדאַנק צו באַגעהן זעלבסטמאָרד. אויך איז אויפפאַלענד דער פאַקט, וואָס מען האָט ביי ראַדזשערס'ען אין די קעשענעס בלויז געפונען $13.

עס קען דאָך ניט זיין אַז אַ מענעדזשער פון אַן אינשורענס קאָמפּאַניע, וועט קומען אין אַ פרעמדער שטאָדט מיט אַזאַ קליינער סומע. וואַהרשיינליך האָבען איהם די חברה פריהער באַרויבט און דערנאָך ערמאָרדעט.

די פּאָליציי האָט נעכטען געמאַכט אַ פאָרזיכטיגע אונטערזוכונג אין יענעם צימער, וואו ראַדזשערס איז איינגעשטאַנען, אום צו געפינען סמנים, ווי פינגערשפּורען אויף די שויבען, אויף די ענגע, אויף די מעבעל א. א. וו.

אין מאָרגענדיגען נומער „וועג"

אין דעטראָיט ווערט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג פּאָפּולער. וואָס זענען די צוועקען פון קאָאָפּעראַטיווער טעטיגקייט און צו וואָס קענען זיי דערפיהרען, וועגען דעם שרייבט אין מאָרגענדיגען נומער דער רעדאַקטאָר פון „וועג" זיין לייטאַרטיקעל.

ש. פאַן, דער באַקאַנטער בעלעטריסט און פּובליציסט וועלכער איז דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „וועג" אין אייראָפּא, האָט אין מאָרגענדיגען נומער אַן אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענציע וועגען דער אידען פראַגע אין פּוילען און אין ליטא.

פון דעם באַקאַנטען דעטראָיטער רב ר' יחזקאל איישישקי'ן וועט אין מאָרגענדיגען נומער געדרוקט זיין אַ וואַרימער אַרטיקעל וועגען דעם חוב פון די דעטראָיטער אידען אין איצטיגען מאָמענט.

„ליעדער פון איינזאַמקייט" — הערליכע שעהנע שטימונגספולע ליעדער פון דעם היגען יונגען דיכטער ל. בערקאָוויטש.

א פולע פּיידזש מיט נייעס פון אַלע וועלט טיילען, וואָס דער „וועג" האָט באַקומען פון אייראָפּא דורך דער לאָנדאָנער אידישער קאָרעספּאָנדענט ביוראָ.

וואָס קענען די וועניג פאַרמעגליכע מוטערס טאָן פאַר זייערע קינדער? — דאָס איז אַ וויכטיגע פראַגע פאַר מוטערס, ערציהער און לעהרערס — וועגען דעם שרייבט מאָרגען ב. י. נ—ן אין עדיטאָריעל אויף דער לעצטער פּיידזש.

דער דאָלאַר און דער מאַרק האָט דערפיהרט אַ וואַרשאַווער אידען צו משוגעת — לייענט וועגען דעם אין מאָרגענדיגען נומער אַ קורצען פעליעטאָן פון לאָרענטע, מיטאַרבייטער פון וואַרשאַווער „מאָמענט".

אויף דעטראָיטער גאַסען

א באַנדיט מיט אַ בלאַס געזיכט

א בלאַס־פּנים'דיגער באַנדיט, וועלכער זעהט, דוכט זיך, אויס אומשולדיג ווי אַ טויב האָט נעכטען באַוויזען צו מאַכען 2 „האָלד אַפּס" אין דריי מינוט.

אַרום 12:15 מיטאָג־צייט האָט זיך דער דאָזיגער בלאַסינקער יונגערמאַנטשיק צוזאַמען מיט זיינעם אַ חבר, זיך אַריינגעכאַפּט אין דער מאַנעטאַ לאַנטש און טירום, 50 אַדאַמס עוו. וועסט, אַנגעציעלט אַ רעוואָלווער געגען דעם אייגענטהימער דזשו. אַ קריגער און אַרויסגענומען פון רעדזשיסטער אַ סומע פון 35 דאָלאַר בילס און זילבער. די קאָפּערס האָט ער איבערגעלאָזט.

דערנאָך איז דער זעלבער באַנדיט אַריין אין בולאָה האָטעל, וואָס געפינט זיך פונקט געגענאיבער 59 אַדאַמס עוו. וועסט, געמאַכט אַ „האָלד אַפּ" אויף אַ נאַכט־קלירק און גערויבט 15 דאָלאַר פון קעש רעדזשיסטער.

אַקטיאָרען בארויבט פון גנבים

לואיס מענן, וועלכער שפּיעלט אין „פרענדלי ענעמים", אין גערייק טעאַטער, האָט באַריכטעט צו דער פּאָליציי, אַז מען האָט איהם אין האָטעל סטאַטלער באַגנב'עט אין $300 קעש, איין „סטיק פּין" אין ווערט פון $200 און אַ וואָלעט, וואָס טראָגט דעם נאָמען טשאַרלס גריי.

„טראַק" ווערט צוקלאַפּט ווי אַ נוס צווישען צוויי סטריט קאַרס

א דעליווערי טראַק, וואָס באַלאַנגט צו דער דעלמאָנט קאַפּיע קאָמפּאַניע, איז נעכטען צושאָטען געוואָרען אויף שטיקלאַך אין צוזאַמענשטויס מיט צוויי סטריט קאַרס אויף גראַשיאָט עוו.

קאַנאַדישער וועטעראַן גע'הרג'עט פון אַן אויטאָמאָביל אין דעטראָיט

דזשאָהן פּ. סטאַר, פון האָלבראָק עוו. איז איבערגעפאָהרען געוואָרען פון אַן אויטאָמאָביל אין פּאַלאַרד סטריט.

סטאַר, וועלכער איז אַ וועטעראַן פון דער קאַנאַדישער אַרמעע, האָט זיך שנעל געלאָזט לויפען איבער פּאַלאַרד סטריט באַפּען אַ קאַר און אַן אַנקומענדער אויטאָמאָביל האָט איהם גלייך אַריינגעכאַפּט אין די רעדער. מען האָט איהם צוגענומען אין רעסיווינג האָספּיטאַל וואו ער איז אין איינציגע שטונדען אויסגעשטאָרבען.

דער דרייווער פון דעם אויטאָמאָביל, טאָני וואָלק, 99 עדווין סטריט, האָט זיך אַליין איבערגעגעבען צו דער פּאָליציי. נאָך אַ ריהיגע פראַגען וואָס די פּאָליציי בעאַמטע האָבען איהם געשטעלט, איז ער גלייך באַפרייעט געוואָרען.

5 יאָהריג קינד פאַרברענט זיך שפּיעלענדיג מיט מעטשעס

אין דער צייט ווען זיין מוטער איז אויף אַ וויילע אַרויס אין גראָסערי, האָט זיך דאָס 5 יאָהריג אינגעלע ברויס ניור אינגהאַם, 1918 פּאָרט סטריט, זיך פאַרשפּיעלט מיט מעטשעס און ווען די מוטער איז צוריקגעקומען האָט זי געטראָפען איהר קינד איינגעוויקעלט אין פלאַמען.

דאָס קינד ליעגט יעצט אין איגראָאַסט־ריעל האָספּיטאַל און דאָקטוירים זאָגען, אַז עס זיינען גאָר קיין אויסזיכטען ער זאָל בלייבען לעבען.

בודאַפּעסטער אוניווערסיטעט פאַרמאַכט צוליעב אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציעס

א קורצע דעפּעשע פון בודאַפּעסט גיט איבער דאָס דער אָרטיגער אוניווערסיטעט איז פאַרמאַכט געוואָרען לעצטען דאָנערשטאָג צוליעב אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציעס וואָס האָבען אָרגאַניזירט קריסטליכע סטודענטען.

4 ניגערס אַרעסטירט אַלס פאַרדעכטיגע אין מאָרד פון הייסטינגס סט.

עס איז שוין איצט באַוואוסט דער נאָמען פון דעם ערמאָרדעטען איטאַליענער וועלכער איז מאָנטאָג פריה געפונען געוואָרען מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ און איבערגעשניטענעם האַלז אין דער אַלעע הינטער 165 הייסטינגס סטריט. זיין נאָמען איז געווען יאָזעף טעמפּאַני, וואו ער האָט געוואוינט איז נאָך ניט באַוואוסט.

וויליאַם דייוויס, אַ שוואַרצער לייבאָרער, 49 יאָהר אַלט, פון 17 קעטהרין סט. איז אַרעסטירט געוואָרען פון די דעטעקטיווס ראָץ, בורציק, קאַרווין און באָלהאַרם, אויף דעם פאַרדאַכט, אַז ער, צוזאַמען מיט'ן שוואַרצען דזשעניטאָר, וועלכער איז איצט ווי אין וואַסער אַריין, זיינען באַגאַנגען דיזען שוידערליכען מאָרד. די פּאָליציי איז איצט שטאַרק „ביזי" אין אַרומזוכען דעם דזשעניטאָר, וועלכער איז אויך אַ ניגער.

דייוויס'עס קליידער און שיך זיינען געווען פאַרשמירט מיט בלוט ווען מען האָט איהם אַרעסטירט. ער האָט אויך געהאַט אַ פרישע וואונד אויפ'ן שטערען.

פאַר דער פּאָליציי האָט דייוויס דערצעהלט דריי ווידערשפּרעכענדע מעשיות. פון אָנפאַנג האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט געכאַפּט אַ שטאַרקען פאַל און דערפון איז עס צו איהם געקומען די וואונד און די בלוט־פלעקען אויף זיינע קליידער. אביסעל שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז ער היבט ניט אָן צו וויסען, פון וואַנען ער האָט די וואונד געקראָגען. דערנאָך האָט ער זיך מיישב געווען און אויסגעטראַכט אַ דריטע, שאַגעל־נייע מעשה: אימיצער האָט איהם געממית'ט מיט אַ שווערער זאַך איבער'ן קאָפּ.

דייוויס איז אַרעסטירט געוואָרען אויף הייסטינגס סט. קאָרנער מולעט, ווען ער האָט שפּאַצירט אין דער ריכטונג פון'ם אַפּאַרטמענט וואו דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרען.

אין אויגוסט פון לעצטען יאָהר, איז טעמפּאַני געווען אַרעסטירט אויף דער קלאַגע פון שלעגעריי. דזשאָדזש דזשעפּקינס האָט דעמאָלט אַרויסגעטראָגען אַן אורטייל ניט שולדיג.

דזשיימס באַטעל פון 180 קלינטאָן סט. האָט געפונען אַ ראַזיר־מעסער אין'ם בייזמענט, וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען, און עס גלייך איבערגעגעבען צו דער פּאָליציי.

נעכטען בייטאָג איז באַקאַנט געוואָרען, אַז די פּאָליציי האָט אַרעסטירט נאָך דריי ניגערס, אויף אַ פאַרדאַכט אַז זיי האָבען אַנטייל גענומען אין'ם מאָרד.

די נעמען פון דער טריאָ זיינען: טשעקערינגטאָן, 51 יאָהר אַלט, פון 58 קעטהרין סט.; בודי ספּיקער, 28 יאָהר אַלט פון 188 הייסטינגס סטריט און באַירי וואָלראָ, 28 יאָהר אַלט פון 223 מולעט סט.

לעאָן זאָלאָטקאָף אין דעטראָיט

דער באַוואוסטער זשורנאַליסט שריפטשטעלער, און כלל־טוער, לעאָן זאָלאָטקאָף, געוועזענער רעדאַקטאָר פון טאָגבלאַט און פון שיקאַגאָ'ער „קוריער" געפינט זיך יעצט אין דעטראָיט, אין די אינטערעסען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פונ'ם גאולה פאָנד.

מר. זאָלאָטקאָף שטעהט אין סטאַטלער'ס האָטעל, רום 250. מעהר איינצעלהייטען וועגען זיין ציוניסטישער מיסיע אין דעטראָיט און וועגען זיין ציוניסטישער טעטיגקייט בכלל, וועט די טעג ערשיינען אין „וועג".

ש. ניגער וועט זיין אין דעטראָיט דעם 28־טען ה. מ.

דער טאַלאַנטפולער ליטעראַטור קריטיקער, ש. ניגער, וועט זיין אַ גאַסט אין דעטראָיט דעם 28טען ה. מ.

ער ווערט אַהער אַרויסגעבראַכט פונ'ם י. ל. פּרץ ליטעראַרישען פאַראיין.

יוניאָן שט[illegible]ביטער צו [illegible]סטרייקערס פּלעצער.

שיקאַגאָ, מאַרטש 8 — דזש. ר. אַבאַט וויס־פּרעזידענט פון דער „ברידערהוד פון ריילוועי עקספּרעס קלאַירקס" האָט אויפגעעפענט אַן אָפיס צו זוכען אַרבייטער פאַר דער אַמעריקאַן עקספּרעס קאָמפּאַני אין שיקאַגאָ. ביי דיזער קאָמפּאַניע איז יעצט וואָך ערקלעהרט געוואָרען אַ סטרייק. דעם סטרייק האָט אָבער אַרויסגערופען אַ יוניאָן, וועלכע האָט זיך אָפּגעריסען פון דער אויבענדערמאַהנטער ברידערהוד. דיזע יוניאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרען, ווען די ברידערהוד האָט זיך ענטזאָגט אונטערשטיצען זייער פאָדערונג פון 35 דאָלאַר אַ העכערונג אויף זייער מאָנאַטליכען לוין.

ווי די באַאַמטע פון דער יוניאָן גיבען איבער, זענען די 2000 סטרייקערס ענטשלאָסען צו סטרייקען אַזוי לאַנג ביז זייער פאָדערונג וועט באַפרידיגט ווערען.

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דיימאנדס און אלערליי דושולערי
צאהלט

The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

לענדלארדס איפמערקזאם!
מיר פארלאנגען הייזער צו פארקויפען
רענטען אדער ליסען. מיר שטעלען
צופרידען. רופט טשערי 8054, 481
ענטוויין סטריט.
הערריס און לואיס
ריעל עסטייט עקסטשיינדרש

פארלאנגט א מיידעל אדער פרוי פאר
הויז ארבייט. גוט געצאהלט צו דער
ריכטיגער פערזאן. 127 לעדיאהד סט.
טעל. גלענדייל 1304 (11

איין אנפאנגער פידעל צו פארקויפען
זעהר בילינג. ביי ב. וואלדמאן, 856
הייסטינגס, קאר. גארפיעלד (11

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד
של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער
מענש וועט קריגען גוט באצאהלט, זיך
ווענדען צום סופעראינטענדענט מר.
איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנ-
צע וואך.

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר-
בייטער אינסטיטוט
— 204 **הענקאק איסט** —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי-
טערארישע אווענטען קאנצער-
טען, פארטיעס און חתונות
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט
די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דושיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

ווארע בילינ פאר סטאר-קי-
פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען
זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם
מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט
פון אירגענד וועלכע קאפ-שמערצען אדער
נערוועזיטעט, דאן נעהט צו אן ערנסטען,
עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך
פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען
די נויטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט
אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט
זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער
עהרליך'ס דושולערי סטאר.

קויפט וואו אלע קויפען
גודס, פענסי דריי גודס, קויר-
טענס, קוילטס, בלענ-
קעטס, בעסטע ברענד
אונדערוועהר
ספעשעל רעדאקשאן פאר
פעברוארי!
מאכט קיין מיסטייק!
Philadelphia Dress and
Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

דזשולערי סייל

אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע

זייגערס.

מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.

רינגען

גאלדענע בראוטשעס מיט אמתע קעמיאס. ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע

קדושין רינגלאך

גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען

The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויטער.

לעבעוויצער לאנדסלייט און אומגעגענד

דער לעצטער מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אבענד, 2טען מארטש, האט געמאכט א גוטען אנפאנג. 725 דאלאר איז ביי דיזען מי-טינג נעזאמעלט געווארען. אבער פריינדע, לאנדסלייט, דיזע סומע איז ווי א טראפען אין ים. זעהר פיעל איז נויטיג צו ראטעווען די ליידענדע פון אונ-טערגאנג.

מיר בעטען, מיר רופען יעדען לעבעוויטשער צו קומען

היינט אווענד 10טען מארטש

אין ווילקינס סט. תלמוד תורה
ווילקינס בעט. הייסטינגס און ענטוויין

אונזער גאסט און לאנדסמאן, מר. לאס וועט ספעציעל קומען צו דיזען מי-טינג אויף זיין רייזע פון שיקאגא צוריק נאך נויארק.

קיין איינער טאהר ניט פעהלען!

מיט אכטונג, **די קאמיטע.**

ר. ראבינסאן
פ. ראבינסאן
ר. זעליג
ח. גרינבערג
ט. אידעלסאהן, סעקרעטער.

TELEPHONE CANAL 192
VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
Manufacturers of the CELEBRATED VIENNA PURE Hygeia Beef Sausages
SMOKED & PICKLED BEEF TONGUES, ETC.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 **נאפאלעאן סט.**
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר
אלערליי באעלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס
פוירנישינג, העטס, יאנג מענס
און בויס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע
סיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

פארלאנגט אגענטען צו סוב
סקרייבער פאר'ן „ווענ". ליבע-
ראלע קאמישאנס געצאלט.
קענען מאכען 100 דאלאר א
וואך. פרעגען אין אפיס פון „ווענ".

קוואסעלאוו און קאטליערס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס
פוירנישינגס, נױי גודס א. ז. וו
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 ימעלראוז 3595 ראבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט אש און גאר-
בעדזש, סעמענט רעספעטיקעלס, ווייל
פון 1-טען מארטש ווערט די פרייז געהע-
בערט
ווארט ניט ביז די באארד און
העלט וועט אייך באדערען.

JUDGE GAINEY

HAVANA CIGARS
NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 1170

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

ה' לעדערבארג קען גאניץ אדעס און גאנץ אדעס קען איהם גאר. זעהר ווינציג זענען איהם ביי זיין נאמען. אדעס קען איהם גאר פאר איין אלטען אדעסער איינ וואהנער, מען באגעגנט איהם שטענדיג אנגעטאן שעהן, ריין, מיט א פרעהליך גע זיכט וואס האט שוין לאנגע יאהרען ניט געוואוסט פון נויטה, פון אָרימקייט, פון הונגער; איהם האט מען באגעגנט אר-מעטום אין די רעסטאראנען פון אלע גרוי סע האטעלען און אין אלע געמיינע טראק טירען, ווייגקלערס, און אנדערע, אומעטום איז ער ניט געהען אליין אומעטום איז ער געווען מיט איינעם אדער מיט עטליכע מנשען. זיי האבען שטענדיג פארבייסען, פארטרונקען, פארדרייכערט און גערערט שטארק פאראינטערעסירט. אפילו אייפען טראטואר נעבען דער בערזע, הא זיך לע-דערבארג אויך גערעהט, גערערט, גע-שמוסט מיט איינעם.

און לערקווייהדיג ווי אלע מאל האט מען איהם געזעהן רערען מיט פארשיע-דענע קלאסן מענשן; אין די גרויס רעסטא-ראנען האט ער זיך צום מעהרסטען גע-רעדעט מיט יונגע ליטלאך פון דיא רייכע ערטער, אדער אויך (גאר זעלטען) מיט אן אלטען מאן א גביר; און אין די געמיי-נע טראקטירען האט ער געהאטגעשעפטעו מיט אזוינע לייט וואס ווען זיי געהען פאר ביי געבען אייך קוקט איהר אייך אום צי אייערע קעשענעס זענען גאנץ.

מיט אין ווארט לעדערבארג האט גע-האט געשפטען מיט אלערליי קלאסען מענ-שען.

ניט נאר פרעמדע נאר זיין אייגענע פרוי האט איהם קיין מאל ניט געפרעגט ער זאל איהר זאגען דעם אמת און וואס ער פארדיענט געלט; אייגענטליך איז עס איהר אגר קיין מאל ניט איינגעפאלען צו פרעגען, מאלע אין וואס א איד פארדיענט געלד. ער איז ניט אינער פון די וואס מען זעהט מעהר ניט ווי מיט א שטיקעל אין די הענד און זיי פאהדיענען. — דעסט גלייבען איז אויך קיין מאל ניט איינגעפא-לען זיינע באקאנטע און פרעמדע זיך צו אינטערעסירען מיט וואס ער פארנעמט זיך — ר איז געווים א מעקלער אדער אזוי א סוחר — איז יעדער געווען ביי זיך פאר יכערט.

און אזי ווי איהר זעהט האט זיך לע-דערבארג נערעכענט פאר א שטילען אדע-סער איינוואהנער וואס קיינער האט ניט צו איהם און ער האט צו קיינעם ניט.

חאטש פון זיינע אמאליגע יונגע יאה-רען איז איהם געבליבען א סך פלעקען, גאר ווי דער שטייגער איז. ינט איהם איז גוט געווארען, האבען זיך די פלעקען אנ געהויבען ביסלעכווייס צו פארהיילען, איי נע אלטע איינוואהנער געדענקען נאך אפילו זיינע יונגע יאהרען, נאר וועמען אי נויטהיג זי איהם צו דרמאהנען?

לעדערבארג איז געקומען קיין אדעס ווען ער איז נאך א איגנעל געווען, אבער בארוועס נאקעט, גראב, בעפגראמאטנע, ווילד אהן א שול ערציהונג, פונקט ווי זיין מוטער האט איהם ערשט געבטען געבוי-רען; פאר זיין קומען קין אדעס איז ער אויך קיין מאל ניט געוועזען גאנץ אנגע-טהאן און זעהר זעלטע אט געוועזען מיט דעם שטיקעל ברויט. ער אי געבוירען ביי זהר ארימע עלטערען צווישען א סך ברי-דערלך און שוועסטערלעך, שטענדיג זיך געשלאגן מיט זיי איבער איין איבעריגען ביסען ברויט, דערמיט זענען אוועקגעגאנ-גען זיינע אלע קינדער-יאהרען, נאר ווען זיינע פלייצעס זענען ברייטער אויסגע-וואקסן, זיינע הענד גרעסער און זיין קאפ האט אנגעהויבען מעהר טראכטען האט ער פארשטאנען אז ער איז איבעריג ביי זיינע עלטערען אין שטוב; אהן שום פאר-רעדען איז ער אוועק פון זיינע עלטערנס

טונקל שווארץ הויז און האט זיך גלאזט אין דער פרייער ליכטיגער וועלט. יין פארשטאפטער ווילדער קליינער מוח האט ארומגענומען די וועלט און זי פארשטאנען אזוי:

„שטענדיג זיין אנגעגעסען, שטענדיג האבען א פאר גאנצע שטיוועל מיט גאנ-צע קליידער מעהר עפעס בעסערס אין דער גרויסער וועלט האט ער זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט מעהר ווי דאס האט ער קיין בעסערען צוועק אין זיין לעבען נאר ניט געדענקט צו ערגרייכען.

מיט אזוינע געדאנקען האט ער זיך א צייט געבלאנקעט און געבלאנקעט ביז עס האט איהם פארטראגען קיין אדעס; דא איז ער אין אנהויב איבערגעגאנגען דעם גאנצען אדעסער דרדקי חדר פאר אזוינע סארטע מענשען וואס קומען קיין אדעס פארדינעו געלד; פריהער האט ער געשלעפט א וועגעלע, דערנאך גגאנגען מיט הר לאפאטע אויך געווען א פאמאטשניק ביי א מורטשיק. געגרוזעט קוילען אויף די פאראחארען און נאך אזוינע שווערע אר-בייט.

(פארטזעצונג פאלגט)

ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוום
ראנס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture
and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעם
וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

דער בעסטער מוהל און שטאב
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואורד
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע-מאכט גאר פון ריינער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דו-ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר-קויפען אויף לאנגע טערמינען.
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

דר.
ה. סטאריקאף
ד ע נ ט י ס ט
רעור פלאן פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע
פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

דער באוואוסטער חזן
ל. ד. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע
צופרידענהייט.
5/1 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל צו אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווא קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקייל רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד-לונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער העננינג
רעקארייטאר און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען.

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ-
טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
סו קומט צו
מ. ד א מ נ י ט ץ
245 מאנטקאלםסט.

האט איר ריעל עסטייט
צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפע
פאר דער העכסטער פרייז דורך
די „צו פארקויפען" אדס פון „ווענ"

Phone Main 3715

א פולע ליסטע פון רעסיטס מיט אונטערשריפטען פון די געלדער וואס זענען געשיקט געווארען דורך דוד גאלדמאן פון דער היגער בענקינג פירמא

גאלדמאן בראס. 393 הייסטינגס סטריט

סומע	נאמען	שטאדט	געשיקט פון
500	יוסף טוגענדמא	ווארשאו	י. טוגענדמאן
1000	שלמה ליטמאן	ווארשאו	סעם לעווין
1000	פערל לעווין	ווארשאו	סעם לעווין
$ 1500	שבע דראזשניק	ווארשאו	ס. דראזשניק
$ 500	אנשעל דראזשניק	ווארשאו	ס. דראזשניק
500	ברוך קראנק	ווארשאו	ה. קופערשמיט
1500	[illegible]פע פוקס	ווארשאו	לואיס פוקס
4500	שרה רבקה רובינשטיין		מאקס רובינשטיין
$ 2600	דבורה פויגעל פרוי	סאסנאוויץ	סעם פויגעל
2000	מרים איטע צערוואניא	יאדאוו	נ. קאהען
$ 500	שלמה שטיינבערג		ס. שטיינבערג
$ 500	הינדעל סטארטשמאן	סאסנאוויץ	אב. סטאריכאוו
2500	מרדכי טייטעלבאום	ווארשאו	ר באום
6000	אסתר גריינער	אסטראוויב	סעם גרין
$ 500	וואולף ראזענבלום	ווארשאו	מרס. ראזענצווייג
$ 500	פיינע דעמטשיק	אסטראווע	מ. קאהען
1000	דארא קופערבערג	ווארשאו	רזשייק קופערבערג
6000	שרה מארגאלין	ווארשאו	ביילע מארגאלים
175000	מאריא מייזא פוקס	ווארשאו	זיגמונד פוקס
1000	חנה ענגעלמאן	ווארשאו	הערי ענגעלמאן
500	הערשעל אייזעקאוויץ	ווארשאו	
500	שמואל וויינגוסט	ווארשאו	מאקס וויינגוסט
200	פייג קאהן	אסטראוו	מ. קאהען
1000	הירין חיים ראזענבערג	ווארשאו	דזשא סטייקער
300	אהרן לעוויטאן		ס. גרינבערג
1500	אסתר מלכה וויסבלאט		ד. וויסבלאט
1500	שמואל פארקעט		מאלם פיטשערסקי
2000	נחום בלומענקאפף	ווארשאו	מיני בארגסטיין
1000	ה. הערצבערג		נ. בעילפיעלד
2000	גיטלא לעווענקאפף		מאיר לעווענקאפף
2000	מרדכי בארענשטיין	ווארשאו	
[illegible]000	אברהם בישקא	ווארשאו	רזשייקאבסאן
500	ראובן ישראל שפירא	ווארשאו	ס הערמאן
3000	אהרן זעליג קעניגשטיין	ווארשאו	רזשא קעניגשטיין
5000	הירשקע שטיבעל	טשענסטאכאוו	מ. שטיבעל
2000	ישראל דוד אלבערג	טשענסטאכאוו	ט. אלבערג
1000	איציק מענדעל אלבערג	טשענסטאכאוו	ס. אלבערג
2000	מענדעל פיינער	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאן
1500	יחמיאל פיינער	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאן
500	שרה פיינער	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאן
1500	זלמן האפמאן	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאן
1500	נחמן האפמאן	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאן
1000	אהרן פערישטער	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאן
500	פיילה בייטנער	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאן
500	לאה האפמאן	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאו
500	גרונעם פרידמאן	טשענסטאכאוו	ה. האפטמאן
1000	אהרן אייזענבערג	סקירנאוויץ	מ. אייזענבערג
1000	הירשעל פרענמאן	לארשאן	ס. פריז
1000	אברהם פרענמאן	לארשאן	ס. פריד

(באמערקונג: אברהם פרענמאן געפינט זיך יעצט אין דייטשלאנד. ער האט אין ווארשאו 3 קינדער אין גרויס נויט. דאס געלט האט באקומען זיין עלטסטע קינד הלל פרונמאן, דוד גאלדינג

סומע	נאמען	שטאדט	געשיקט פון
1000	שרה פראנמאן	ווארשאו	ס. פריד
4000	איטע ראזענצווייג	ארדאם	וואלף ראזענצווייג
2000	מאני ארטאשאווער	ווארשאו	מרס. שעווער
1000	ה. שווארצבארד פאר נעני מעסינג	ווארשאו	ל. מאנטשוויק
500	ה. מיראלקו	ווארשאו	רזשיי זילבערשטיין
1000	יראחמיאל שוקניצבאנד	ווארשאו	ל. פינקעלמאן
500	ייפגע מרים ברוקמאן	ווארשאו	ל. ברוקמאן
1000	פישעל גראסבערג	טשענסטאכאוו	מעקס גראסבערג
1000	לייזער געלקאפ	טשענסטאכאוו	מעקס גראסבערג
500	בראנדעל ליטווינאוויץ	יאבלאנא	ישרל ליטווינאוויץ
600	ליבויש ווידעל	זשעראדאוו	מ. מערניק
1000	אברהם ליב קרייפס	ווארשאו	סעם קרייפס
2500	דינה גרינבערג	ווארשאו	ס. גרינבערג
1000	קלמן גראסבערג	טשענסטאכאוו	מעקס גראסבערג
1000	ישראל גאלדשטיין	טשענסטאכאוו	א. יאקובאוויטש
1000	משה יאקאבאוויץ	בענדין	א. יאקובאוויטש
5000	פייוועל יאקאבאוויץ	בענדין	א. יאקובאוויטש
6000	הירשקע יאקאבאוויץ	בענדין	א. יאקובאוויטש
2000	בצלאל בערענגארטען פאר נחמן	ווארשאו	א. גריצמאן
4000	דוד שולדינגער	ווארשאו	א. שולדינגער
1500	מענדעל וויינבערג	ווארשאו	א. וויינבערג
1000	הינדע סטודניבערג	סאסנאוויץ	א. וויינבערג
1000	רבקה גראבאייזען	סאסנאוויץ	מ. גראבאייזען
1000	טעמער גראבאייזען	סאסנאוויץ	מ. גראבאייזען
2000	דאבע צימבערקנאפף	סאסנאוויץ	פיליפ פייערטאג
2000	נאטאן פייערטאג	סאסנאוויץ	פיליפ פייערטאג
4000	ניטעל קאוואדלא	ווארשאו	נ. קאהען
100	באלצא מאנדזיין	ווארשאו	וואלבאסלאווסקי

סומע	נאמען	שטאדט	געשיקט פון
500	יאקאב קארפין	סאסנאוויץ	וואלבאסלאווסקי
200	שרה אסטראוויאק	ווארשאו	סעם האלאנד
500	חיים באנד	סאסנאוויץ	רזשייק באנד
1000	חיים בורשטיין	ווישקאוו	וום. בורנשטיין
4000	משארני גארפינקעל	ווישקאוו	ב. גארפינקעל
1000	חיה רחל גארפינקעל	לאמזשא	ב. גארפינקעל
500	הערמאן דימענקנאפ		פיליפ פייערטאג
500	הערשעל באנד	סאסנאוויץ	רזשיי באנד
1000	טוביה ראזענבערג	סאסנאוויץ	יאקאבאוויץ
500	שמחה יאקאבאוויץ	סאסנאוויץ	יאקאבאוויץ
500	הערמאן צימבערקנאפף	סאסנאוויץ	יאקאבאוויץ
500	רחל פערזא		
5000	אסתר סינגער	ווארשאו	רזשיי סינגער
2000	ריינע גראנץ	בעלסק	מעקס גראנץ
1500	שרה ליבע הארוויץ	ווארשאו	
5000	חנה מינדעל גאלדשטיין	פרושניץ	רזשיי גאלדשטיין
2000	חנה ליבע בערנשטיין	פיאסעקי	ס. בארענשטיין
1000	נעכע הענדעלמאן	יאדאוו	לואיס פינקעלמאן
1000	טוביה סטראסבורג	יאדאוו	לואיס פינקעלמאן
1000	יונה פינקעלמאן	יאדאוו	לואיס פינקעלמאן
1000	יאנקעל גרינבערג	יאדאוו	מרס. ראזע פרידמאן
2000	מרדכי ראובן גוטמאן	יאדאוו	הערי גודמאן
1000	דוד מעלצער	יאדאוו	הערי גודמאן
2000	ישרה גארבארסקי	יאדאוו	מעקס נאגל
500	ענע קונעווסקי	ווארשאו	פעליקס קולעווסקי
5000	פייגעל באנד	סאסנאוויץ	דזשיי באנד
5000	פריידעל יאסקאוויץ	טשענסטאכאוו	ה. יאסקאוויץ
10000	ביילע דייטנער	טשענסטאכאוו	ש. דייטנער
1000	סאלאמאן ברוינער	בענדין	ט. בערטנער
5000	אידעל טשאפניק	טשענסטאכאוו	ל. טשאפניק
2000	איציק לאצאנס	טשענסטאכאוו	ל. לעסער
2000	חייע בערמאן	ווארשאו	מר. מעתיהו מילגראם
20000	רחל הארוויץ	לוצק	גרשון הארוויץ
5000	רחל הארוויץ	לוצק	גרשון הארוויץ
2000	איטע ראזענצווייג	ראדאם	מ. ראזענצווייג
2000	חנה שרה לעווינסאן	ראדאם	מר. לעווינסאן
1000	גאלדע קירשבוים	מעזריטש	מר. קארש
5000	דארע קראקאווסקי	טשענסטאכאוו	מ. מ. קראקאווסקי
4000	מלכה צינטרינבוים	דעמבלין	ו. איוורי
1000	שמואל רענדעל	בענדין	מאקס רענדעל
1000	טוביא ראזענבערג	ווישקאוו	גאלדע גרעבאוו
500	חיה שרה לינקס	טשענסטאכאוו	דזשיי שילדינגער
2500	איטע לאה בלווישטיין	סאסנאוויץ	י. שולדינגער
1100	פריידע לאה לאזניק	ווארשאו	ס. פילשטיין
1000	אלטער גראסבערג	לוקאוו, סעדליץ	ר. אייזענבערג
1750	פרידע שמוקלער	ווארשאו	ראז אישערן
1000	ראזע סקלארטשיק	טשענסטאכאוו	
3000	חנה שרה לעווינסאן	מעזריטש	ל. י. לעווינסאן
1000	ערעל סאנראין	פולטוסק	פעסע פעטער
500	אברהם פארעלקא	ווארשאו	יאקאב דאבליב
1000	שרה גרוין	טשענסטאכאוו	סעם לירא
1000	חיה שרה גאלדבערג	ווארשאו	מרס. גאלדבערג
250	אברהם איציע מאלינא	ווישקאוו	ה. מאלינא
1000	שרה אסטראווסקי	ווישקאוו	דזשיי האלאנד
250	נחמן בראך	ווישקאוו	דזשיי האלאנד
250	אסתר חזן	ווישקאוו	
1000	אסתר ברכה גוטמאן	ווישקאוו	דזשיי גוטמאן
3000	יענטע בעלעבאוויץ	ווישקאוו	דזשיי באטאפ
1000	לעאן אונטערמאן	ווארשאו	ה. מושקאטענבלאט
1000	ביילע אפפאל		מ. אפפאל
300	דוד בראך	ווישקאוו	ס. בראך
1800	רייזעל בראך	ווישקאוו	ס. בראך
1000	נחמן בראך	ווישקאוו	ז. בראך
3000	אברהם ווינטשערא	ווארשאו	דזשיי קארען
2000	גאטיל שוגערמאן	ווארשאו	ס. שוגערמאן
1000	טוביה שווארץ	ווארשאו	ס. באנק
2500	אברהם יאסקאוויץ	ווישקאוו	מ. יאסקאוויץ
500	יודעל טשאפניק	ווישקאוו	ל. טשאפניק
1000	שרה קופער	ווישקאוו	ה. קופער
1000	יצחק דוד גורמאן	ווישקאוו	ל. גורמאן
1500	יחזקאל פרידמאן	ווישקאוו	ל. גורמאן

מיר פארהאפען אז אין דער צוקונפט וועט אונזער מר. דוד גאלדמאן אויך אימשטאנד זיין צו טאן פאר אונזערע קאסטימער דאס זעלבע ווי אין דער פארגאנגענהייט.

אכטונגספאלל,

Goldman Bros. 393 Hastings Street

דער אינדאסטריאלער קריזיס וואס ערוואַרטעט אונזער לאנד

פון רעי סטענארד בייקער*)

עס שטעהען אונז פאר געפעהרליכע צייטען אין אמעריקא; אין איינציגע הינ־זיכטען זאגאר די געפעהרליכסטע צייטען אין אונזער גאנצער געשיכטע. עס זיי־נען פאראן פיעלע צווישען אונז וועלכע זיינען גענייגט צו נעהמען אן איבערטריי־בענע שטעלונג בנוגע דער הויפט פראב־לעמע פון קאפיטאל און ארבייט, ניט האבענדיג גאר קיין קלאהרען באגריף וועגען דעם וואס דיזע פראבלעמע שטעהט מיט זיך אין דער ווירקליכקייט פאר.

עס איז אמת אז דער קלאסען אונ־טערשיעד האט זיך געלאזט פיהלען אין אמעריקא פאר איינציגע יאהר צייט. יע־דער עהרליכער בעאבאכטער האט דאס געמוזט באמערקען אבער ווייל דיזער געפיהל איז ביז א געוויסען גראד סטי־מולירט געווארען דורך געוויסע ראדיקאלע גרופען האבען אבער דערפאר די הויפט פיהרער פון קאפיטאל און ארבייט ענט־...

...

ווי אזוי האט ענגלאנד געלייזט די וואהנונגס פראגע

ב.

דער אמת איז אז אזא פראגע קען נאך נישט געשטעלט ווערען ווארים ענגלאנד האט נאך די פראגע נישט געלייזט. זי זיצט אבער נישט מיט פארלעגטע הענט אין — דער עיקר — עס איז פאראן אן אויפריכטיגער ווילען צו לייזען דיזע פראגע.

דאס לעצטע האט זיך אמ'בילט'סטען ארויסגעוויזען פאריגעס יאהר, ווען איבער גאנץ ענגלאנד איז אנגעגאנגען א מיכטיגע אגיטאציע צו בויען הייזער.

די דאזיגע אגיטאציע האט דערגרייכט איטליכע ווינקעל אין גרויסע געשעפטס צענטערען און קליינע דערפלעך אפילו; איטעדום האט מען אויפגעמונטערט דעם עולם צו בויען הייזער.

מען איז אבער נישט אפגעקומען מיט בלויז אויפמונטערענדער אגיטאציע; מען האט אויך מיט א געוויסער סובסידיע געשטיצט די יעניגע, וואס האבען געוואלט, אדער אנגעהויבען צו בויען א וואהנונג, צו וואהנונגען און נישט געקענט דערעדיגען אויס מאנגעל אין פינאנץ.

חוץ דעם האט די רעגירונג גופא זיך אונטערגענומען אין דער לכתחילה צו בויען פינף הונדערט טויזענד הייזער. מיט א קורצער צייט שפעטער האט לארד אסטאר, דער געוועזענער פון געזונדהייטס מיניסטער, מודיע געווען אז מען האט די צאהל פון די הייזער פארגרעסערט און אנשטאט 500,000 וועט די רעגירונג בויען 800,000.

אין דער זעלבער צייט האט דער גענעראל דירעקטאר פון דער „נייי שאנאל האוזינג" בארימטעט, אז צוואנציג טויזענד הייזער ווערען שוין געבויעט, און די אנדערע פינף און אכציג טויזענד נעהמט מען זיך שוין צוגרייטען מאטעריאל. און נאך איידער דיזע הייזער וועלען פארענדיגט ווערען — האט ער צוגעגעבען — וועלען אנדערע הונדערט טויזענד הייזער שטעהן גרייט פאר בויען.

און אט קומען מיר צו צו דער הויפט פראגע:

וואו און ווי אזוי האט די ענגלישע רעגירונג באקומען פלאץ, אדער לאטס צום פארבויען?

און דא ערשט זעהט זיך שארף אן דער אונטערשייד פון אמעריקא און ענגלאנד.

דא וועהלט מען אפקלאהרסטען דעם פעסטען ווילען פון ענגלאנד איין מאל פאר אלע מאל צו לייזען די פראגע, וועלכע איז איינע פון די גרעסטע שטערונגען צו דער פארוואהנונג אין לאנד.

אט ווי אזוי די ענגלישע רעגירונג האט געקראגען לאטס: —

א קאמיטעט מיט'ן צוועק צו בויען הייזער איז צונויפגעשטעלט געווארען. דיזען קאמיטעט איז געגעבען געווארען די פולמאכט איינצוקויפען לאנד פון די איינענטימער, אויב זיי וועלען איינזעהן אז דאס דאזיגע לאנד איז גוטע, אדער פאסט פארבויעט צו ווערען מיט הייזער.

דער דאזיגער קאמיטעט דארף דעם אייגענטימער געבען א פייערציהן טאגיגען טערמין צו פארקויפען זיין לאט. אויב אין דיזע פייערציהן טעג ווערט דער לאט נישט צוגעפערטיגט צו פארבויעט ווערען, קומט דאן דער קאמיטעט און שטעלט זיך בויען אויף דעם לאנד רעגירונגס-הייזער צו פארדינגען.

געוועהנליך ווערט דאס לאנד נישט פארקויפט. ענגלאנד גלייבט נאך דערווייל אין פריוואט אייגענטום. און לאנד איז דאך בוודאי דאס פריוואטע אייגענטום פון דעם וואס באצאהלט דערפאר. האט מאכע הערים דער מיניסטער אף העלבות געגרינדעט א באארד פון קאמפעטענטע מענשען און מבינים, וועלכע האבען דעם צוועק אפצושאצען די דאזיגע לענדעריי.

די באארד אף איגלענד וועליו" שטעהט אין נאהענטער פארבינדונג מיט דער באארד, אדער באארדס פון דעם געזונדהייטס-מיניסטער און די פיידעראלי בעאמטע האבען שוין צייט געהאט ביז נאוועמבער פון פארגאנגענעם יאהר צו פארנעהמען ניין טויזענד שטיקער לאנד מיט א שטח פון איין און זעכציג טויזענד אקער, פאר וועלכע מען האט אויסגעצאהלט אן ערך פון וועלכע פופציג מיליאן דאלאר. לויט אונזער געלד רעכנונג.

אז די דאזיגע באארדס ווארפען זיך נישט מיט געלד גלאט אין דער וועלט אריין, איז גענוג צו וויסען, אז אויף צוויי טויזענד פון די ניין טויזענד שטיקער לאנד, האבען זיי איינגעשפארט דער רעגירונג מעהר ווי דריי מיליאן דאלאר.

עס איז פעסטגעשטעלט געווארען אז פאר'ן משך, זינט די באארדס געהן אן מיט זייער ארבייט, האבען זיי איינגעשפארט דער רעגירונג דריי הונדערט דאלאר אויף יעדען אקער לאנד, וואס זיי שאצען אפ און נעהמען צו מיט גוואלט פון די אייגענטימערס.

ווי דורך א כישוף האט דאס דאזיגע מיטעל געווירקט אויף די שפעקולאנטען פון לענדעריי.

די ריעל עסטייטניקעס אין לאנדאן האבען פארלוירען זייער הויפערשען אפעטיט און יאגען זיך מעהר נישט צו שפעקולירען מיט לאטס.

א גרויסער רוב שפעקולאנטען האבען איבער איין נאכט אנגעוואוירען גרויסע סומעס געלד, און האבען פארלוירען דעם חשק ווייטער אנצוגעהן מיט זייער היימ'שינדערישע שפיעל, ווייל ווי זיינען זיי באוואורנט אויב מיט א טאג אדער צוויי שפעטער וועט נישט קומען די קאמיסיע און וועט זיי באפעהלען צו פארבויען דעם לאט? און אויב זיי וועלען זיך ענטזאגען אין א משך פון פיערצעהן טעג נאכצוקומען דעם באפעהל, וועט קומען די באארד, וועט אפשאצען דעם לאט און וועט באשטימען א פרייז וואס וועט אפשר באטרעפען א העלפט וויפיעל די שפעקולאציע האט ארויפגעטריבען.

קען מען דען אין די פאראייניגטע שטאאטען נישט נאכטאן דעם האזיגען ביישפיעל?

קען מען דען אין דעטראויט נישט אפשאצען דעם אפעטיט פון די לאנד שפעקולאנטען דורך דעמזעלבען מיטעל ווי אין לאנדאן?

ווי א שווערע משא ליגט איבער די דעטראויטער איינוואוינער די וואהנונגס פראבלעמע; דער מאנגעל אין דירות נעהמט זיך נישט דערפון וואס עס זיינען נישטא קיין לעדיגע לאטס וואו צו בויען, נאר פון דעם וואס עס זיינען נישטא קיין בעלנים צו וועלען פארקויפען דיזע לאטס וואס ברענגען אריין אין שפעקולאציע א סך מעהר ווי ווען זיי זאלען מיט הייזער פארבויעט ווערען.

די מישיגאן'ער „יונייטעד סטייטס פעיר פרייז קאמיטע" וועלכע האט ...

ווי מען שמייכעלט זיך צו פוילען

ספעציעל פאר'ן „וועג"
פון באריס לערנער

מיט די מאווינג פיקטשורס געהט עס וואס אמאל אלץ מעהר פארווערטס. מיר האבען שוין זוכה געווען צו האבען אלס מאווי סטאר אזא פערזענליכקייט ווי דער ענגלישער פרעמיער לויד דזשארדזש. זיין גאנצע ביאגראפיע און זיין קאריערע וועט דערציילט ווערען אויף דעם לייוואנד.

איצטער אז עס שטעהט אן דעם פרעמיער פון ווייבען ענגלאנד צו זיין א פילם סטאר, וואלים זאל עס נים אנשטעהן דעם ...

...

חוץ פוילען גופא אויך די רעגירונגען פון פראנקרייך און אמעריקא פאראינטערעסירט.

פינלאנד פארשפרעכט נאך מאל צו געבען אידען גלייכבארעכטיגונג

די רזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט געקראגען די פאלגענדע מעלדונג פון דער קאמיסיע פון אידישע העלפס ...

...

*) ... ניו יארקער „איווענינג פאסט" און דין שיקאגא דעילי ניוס".

די רעדאקציאן.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

פון'ם „זמרה" קאנצערט

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון ישראל ראבינאוויטש

עס פאדערט זיך מוט און אידעאליזם צו זיין אן אוואנגארד.

דער וועג פון'ם פיאנער איז ניט באדעקט מיט בלומען, נאר מיט דערנער.

און ווען עס שטעלט זיך איינער א ביידעל אויף אין דער מדבר, און נעהמט אונז, די נאכגעהער, אהין אריין צו שטילען אונזער דורשט, צו זעטיגען אונזער הונגער און פארטרייבען אונזער מיעדקייט. דאן זאלען מיר ניט דערווארטען קיין שאמפאניער, קיין געבראטענע טייבעלאך און קיין פוכיג בעטגעוואנד. מיר דארפען האבען אין זינען, אז מיר געפינען זיך אין א קעמפ פון פיאנערען-איפגעפייעט בחפזון אויף א דערנערדיגען סטעפ, וואס פיהרט אויף דעם וועג פון פארשפראכענעם לאנד...

אט דאס דארפען מיר שטארק האבען אין זינען, איידער מיר געהען געבען אן אפשאצונג פון אזא גאנץ נייעם סארט קאנצערט, ווי מיר האבען געהערט פון דער „זמרה" לעצטען זונטאג אווענט אין ארענא גארדענס.

עס איז פאר איינעם גאנץ לייכט ארייגצילעהן אין גרוים באגייסטערונג, ווען ער הערט אויף אן ארטיסטישען אופן געשפיעלט א חתונה-פרעהלאכ'ס, וואס דערמאנט אזוי פיעל, אזוי פיעל... פון דער אנדערער זייט איז אויך פאר איינעם ניט שווער מבטל צו זיין די גאנצע זאך און, ווי דער רשע פון הגדה, שטעלען די ציניש קשיה: „מה העבודה הזאת לכם?"...

באגייסטערט צו ווערען איז לייכט, און נאך לייכטער איז מבטל צו זיין.

מיר דארפען אבער זיין גערעכט, — גערעכט צו זיך און גערעכט צו די „זמרה"-קינסטלער, וועלכע האבען זיך געשטעלט א שווערע, אבער אומשאצבאר-שעהנע אויפגאבע.

זאל דער לעזער דאס האבען אין זינען און ניט נעהמען איינזייטיג מיינע ווערטער, ווען איך וועל זאגען, אז די „זמרה"-קינסטלער האבען זיך אונטערגענומען צו דעמאנסטרירען דעם מוזיקאלישען דלות, וועלכער איז אונז פארבליבען נאכדעם ווי מיר האבען דער וועלט רייך געמאכט מיט גרויסע מוזיקער און קאמפאזיטארען.

און כבוד זאל געגעבען ווערען צו די יעניגע, וואס האבען זיך אונטערגענומען אויפצוהאלטען און באלעבען די לעצטע רעשטלאך און זיי דערטראגען ביז צו א געזיכערטען פלאץ, וואו עס שיינט אן אייגענע ווארימע זון און וואו עס קומען ניט צו קיין פרעמדע און בייזע ווינטען.

איך בין איבערצייגט, אז דאס אידישע פאלק אין גלות פארמאגט א מוזיק-קוואל, פאר דורות און דורות צו שעפען. אבער אונזער מדבר-דור האט נאך ניט דערלעבט קיין אייגענעם גלינקא. אין אלגעמיין קומט פאר די לעצטע 50 יאהר פאר א שטיקעל רעאקציע אין דער פראדוקטיוויטעט פון אידישע קאמפאזיטארען. זינט מענדעלסאנ'ס טויט, האט זיך דערווייל נאך א מענדעלסאן ניט באוויזען, טראץ דעם, וואס מיר זיינען לעצטענס אזוי פראדוקטיוו אין געניאלע אינסטרומענטאליסטען ווי פידעל-שפיעלער, פיאניסטען א. א. וו.

די קלענערע אידישע קאמפאזיטארען נאך דער מענדעלסאן-פעריאדע, אזעלכע ווי יאהאן שטראוס, קארל גאלדמארק, ערנעסט בלאך און נאך איינינע, האבען פונקט ווי דער גרויסער מענדעלסאן און דער זשעניאלער מייערבער געשאפען פאר אנדערע, פאר פרעמדע און לעא ארענשטיין, וועלכער איז א קינד פון אונזער יונגען, אומרוהיגען דור, איז פונקט ווי טראצקי אין דער וועלט פון סאציאלער פאליטיק, שטארק פארנומען מיט דער רעאליזירונג פון נייע אידעען אין דער וועלט פון מוזיק...

מיר האבען א מיסיאן צו „פארשפרייטען ליכט איבער דער וועלט" און מעהר ווי אויף אלעם האט זיך דער רעזולטאט פון דער אסימילאטאריש - רעפארמאטארישער „מישיאן און דזשודאאיזם" אפגעשטעמפעלט אויף אונזער נאציאנאלער מוזיק, וואס ווארט נאך יעצט אויף גרויסע מייסטער, ווייל זיי זיינען נאך ניט געקומען.

אט דעם דאזיגען אמת האבען נאך מיט 12 יאהר צוריק דערפיהלט איינעגע אידישע מוזיק-סטודענטען פון דער פעטראגראדער קאנסערוואטאריום. אלס געטרייע קינדער פון אידישען פאלק, דורכגעדרונגען מיט א הייסער ליעבע צו דער אידישער קולטור, האבען זיך די דאזיגע מוזיק-סטודענטען געפרעגט די קשיה: „און ווי האלט עס עפעס מיט אידישער מוזיק?"

ווארים זיי, אלס מוזיקער האבען פארשטאנען, אז מיט דעם נאמען „אידישע מוזיק" קען מען בלויז אנרופען אזעלכע מוזיקאלישע קאמפאזיציעס, וואס זיינען געבויעט אויף ריין אידישע טעמאס, אדער מאטיוון. זיי האבען פארשטאנען, אז פונקט ווי א שרייבער וואס שטאמט פון אידען און גיט זיך אפ מיט באאבאכטונגען פון א פרעמדען פאלקס-לעבען איז ניט קיין אידישער שרייבער, פונקט אזוי איז דער קאמפאזיטאר, וואס שטאמט פון אידען און קאמפאנירט אויף ניט-אידישע מאטיוון אדער אויף סתם מוזיקאלישע טעמאס ניט קיין אידישער קאמפאזיטאר, ווייל ער שאפט נישט קיין אידישע מוזיק. ער טראגט בלויז אריין א פאר שטריכען פון אידישען טעמפעראמענט אין א פרעמדער מוזיק.

רעאליזירענדיג די אמת'ע לאגע, האבען דעמאלט די דאזיגע אידישע מוזיק-סטודענטען געגרינדעט אין פעטראגראד די אידיש-מוזיקאלישע געזעלשאפט, וועלכע האט צוזאמען מיט איינינע אידישע ליטעראטען, צווישען וועלכע עס האט זיך געפונען דער שריפטשטעלער און פאלקס-לאהריסט ש. אנסקי, צוזאמענגעשטעלט א מין עקספעדיציע, וואס האט זיך ארויסגעלאזט איבער פארשיידענע אלטע אידישע ישובים צו זאמלען פאלקס-ליעדער און פאלקס-מאטיוון.

אין דער זעלבער צייט האט די געזעלשאפט באשטימט א קריטעריום, וואס עס דארף מיט זיך פארשטעלען די עכטע אידישע מוזיק און מיט וואס זי אונטערשיידט זיך פון דער מוזיק פון אנדערע פעלקער. עס האבען זיך באלד באוויזען קאמפאניסטען, אונטער דער אנפיהרערשאפט פון י. ענגעל, מוזיק-פראפעסאר אין פעטראגראדער קאנסערוואטאריום און ביסלעכווייז, לאנגזאם אבער זיכער, האט זיך אנגעהויבען באשאפען א אידישע מוזיק, געבויעט אויף כאראקטעריסטיש אידישע פאלקס-מאטיוון.

און דאן האט זיך די געזעלשאפט געשטעלט די קשיה: וואס איז די פעולה פון אונזער זאמלען און באארבייטען, א קיינער פון אונזערע גרויסע קינסטלער ווילען עס ניט שפיעלען, ווייל זיי פיגורירען פאר דער וועלט אלס „רוסען". טא ווי אזוי מאכט מען, אז דאס פאלק זאל עס הערען?

פאר דער צוזאמענשטעלונג פון א דרייזענגרען סימפאנישען ארקעסטער האט געפעהלט די מאטעריעלע מיטלען. איז עס דארום געפאלען דער גורל אויף די זעקס יונגע-לייט וואס שטעלען איצט צוזאמען די „זמרה" און וואס זיינען מיטגליד־ער פון דער אידיש-מוזיקאלישער געזעלשאפט פון פעטראגראד, צו ווערען די עכטע פארשפרייטער פון באארבייטע אידישע נגונים און זיין דער ערשטער אוואנגארד פון אונזער מוזיקאלישען רענעסאנס.

אט דאס איז אין קורצען די געשיכטע פון „זמרה'ס" ערשיינונג אויף דער אידישער גאס.

די ארבייט פון דער פעטראגראדער געזעלשאפט בכלל, איז — צוזאמענצוקלייבען די עכט-אידישע מאטיוון און זיי הארמאניזירען, אדער באארבייטען לויט אלע כללים פון מאדערנער קאמפאזיציע. און די ארבייט פון די „זמרה"-קינסטלער באשטעהט אין פארשפרייטען די שויך־עזאמעלטע און שוין באארבייטע אידישע קאמפאזיציעס.

אדים איז נאך דערווייל די מוזיקאלישע ליטעראטור פון עכט-אידישע מוזיק. קיין באך'ס און קיין בעטהאווענס האבען נאך דערווייל אין איהר זיך ניט באטייליגט, אבער צו פארדאנקען די „זמרה"-קינסטלער, ווערט אונז — דורך זייער געשמאקפולען שפיעלען — קלאהר, וואו מיר האלטען אין דער וועלט מיט אידישער מוזיק. מיר זעהען, אז עס ווערט שוין אין א מוזיקאלישען פראגראם געשטעלט אזא נומער, ווי א „אידישע ראפסאדיע", וואס גיט אזא קינסטלערישען פיאניסט ווי בערדיטשעווסקי א געלעגענהייט צו דעמאנסטרירען אלע פאזען פון זיין קינסטלערישען טאלאנט. מיר זעהן, אז עס איז שוין מעגליך צוזאמענצושטעלען א אידישען קאמער-מוזיק פראגראם מיט בלויז איין נומער א קלאסישען — און דאס איז, לויט די אומשטענדען א דערפרעהענדע ערשיינונג.

אויף ווי ווייט אלע אידישע קאמפאזיציעס וואס די „זמרה" שפיעלט, איז עכט אידיש — דאס איז דערווייל א פראגע, וועלכע איך נעהם זיך פארלויפיג ניט אונטער — צו פארענטפערן. אורטיילענדיג לויט מיין קלייניגער מבינות, איז די מוזיקאלישע אילוסטראציע פון „בלה באזעצענס", וואס דער קלארנעטיסט בעליסאן האט געשפיעלט, מעהר וואלאכיש ווי אידיש. אין דער זעלבער צייט גלויב איך אבער, אז זייער לעצטער נומער, „מוזיקאלישער סקעטש" פון סוזים נום. 2 (קרעין) איז גאנצע 90 פראצענט אידיש אויב ניט גאנצע הונדערט. עפעס דוכט זיך מיר, אז דער קאמפאזיטאר האט דורך די אויפרעגענדע „טרעמאלאס" (פון די פידלען) וואס באגלייטען די הויפט מאטיוון (פון טשעלא און קלארנעט) געוואלט מאהלען די אייביגע שרעק און אומזיכערקייט פון אונזער גלות-לעבען... דאכט זיך אט איז שוין אלץ גוט און די פידלען געהען שוין איבער פון „טרעמאלא" צו א פרעהליכען מאטיוו, אבער לאנג האלט ניט אן די אירישע פרעהליכקייט און ווידער אמאל קומט די טשעלא ארויס מיט א קלאג-מאטיוו און די פידלען — מיט די אויפציטערענדע „טרעמאלאס"...

א געשמאקפולע אראנזשירונג איז אויך גוראוויטש'עס כל-נדרי, וועלכער איז רייך אין הארמאנישע עפעקטען און פארליערט דאך ניט דעם טראדיציאנעלען שטייגער.

און אין אלגעמיין איז עס, לויט מיין מיינונג אזוי:

די „זמרה" מאכט אונז קלאהר, אז זעהר רייך איז די נייע אידישע מוזיק נאך ניט, אבער עס פאנגט אזעלכע זיך אן שאפען. און מיט דעם ציעל, וואס די „זמרה" האט פאר זיך — פארנוצען די פראפיטען פון זייערע קאנצערטען אויף א קונסט-טעמפעל אין פאלעסטינא — ווערט זי אן אינטערעסאנטער מאטעריאל פאר דעם צוקונפטיגען היסטאריקער, וואס וועט שרייבען די געשיכטע פון דעם מוזיקאלישען רענעסאנס ביים אידישען פאלק.

וואס איז קאנדענסד מילך?



ווי ווערט עס געברויכט?

איבער דריי-און-זעכציג יאהר צוריק האט געיל באהרדען, וועמען'ס פיקטשור איהר זעהט דא אויף דיזען אדווערטייזמענט, און וועלכער האט געגרינדעט די גרויסע מילך קאמפאני, וואס טראגט יעצט זיין נאמען, אויסגעפונען ווי צו מאכען קאנדענסד מילך — די ערפינדונג איז באשטאנען אין אויסקלייבען די גאנץ העכסטע קוואליטי פון פול קרים—קוה-מילך, פון געזונטע קיה בלויז, און צו דיעזער מילך איז צוגעגעבען געווארען גענוג געמאלענער צוקער צו האלטען די מילך זיס און געזונד, נאכדעם איז זי דורכגעגאנגען א געוויסען גראד היץ, וואס האט ניט פארניכטעט דאס לעבען און דיא שפייזווערדע פון דער מילך, א טהייל וואסער איז פון איהר ארויסגעטריבען געווארען, און דער פראדוקט וואס איז דער פון ארויסגעקומען, איז גערופען געווארען באהרדען'ס איגעל ברענד קאנדענסד מילך.

געיל באהרדען איז געווען דער ערפינדער פון דיעזער וואונדערבארער מעטאדע צו האלטען מילך אין אלע צייטען און אין אלע קלימאטען, אזוי פריש און זיס און געזונד, ווי נור אויסגעמאלקען פון געזונדטע קיה.

באהרדען'ס איגעל ברענד ווערט איבערהויפט געניצט פאר בייבי שפייז, ווען מוטערס מוזען איבער אירגענד וועלכע אורזאכע האבען זייער בייבי מיט א באטעל — דער פערלאנג פיר דיעזען צוועק איז אזוי גרויס, אז מעהר בייבים ווערען אויפגעצויגען ערפאלגרייך אויף איגעל ברענד ווי אויף אלע אנדערע פארמען פון קונסט-געמאכטע שפייז צוזאמענגענומען. ווען עס זאל זיין מעגליך צוזאמענצונעהמען אלע מענער, פרויען און קינדער, וואס זיינען אויפגעצויגען געווארען אויף איגעל ברענד דורך די לעצטע דריי גענעראציאנען, וואלט די צאהל געווען צוויי מאל אזוי פיעל ווי די צאהל פון סאלדאטען און מאטראזען וואס דיעזע לאנד האט געשיקט איבער'ן ים דורך דער צייט פון דער גרויסער וועלט-מלחמה.

איגעל ברענד, איבער איהר הויכע קוואליטי, איינפערמיגקייט, איז די בעסטע און ביליגסטע מילך וואס איהר קענט יוזען פיר אלגעמיינע באלעבאטישקייט און טיש געברויך. זי מאכט די הויזווירטהין פריי פון זארגען פיר צוקער, קויפט א קען היינט ביי אייער גראסער — יוזט עס פיר אלעם וואס איהר ברויכט, זואו איהר האט ביז יעצט געיוזט מילך און צוקער צוזאמען. צום ביישפיעל פיר רייז-פודינג, סאוסעס, אייזעס, א. ז. וו. שיקט פיר א רעסיפי ביכעלע, און איהר וועט זיך אליין איבערצייגען ווי ווייט איהר קענט פערקלענערען אייערע לעבענס עקספענסעס.

אויב אייער בייבי איז ניט געזונד — אויב זי געווינט ניט אין וואג — אויב זי איז נערוועז און אויפגערעגט — איז עס וואהרשיינליך די שפייז ניט צו פריעדענשטעלענד. אדער עס שטימט ניט מיט איהר. שרייבט אונז היינט — און מיר וועלען אייך שיקען שפייז אינסטראקשאנס געשריעבען אין אידיש — דאס וועט אייך העלפען מאכען אייער בייבי שטארק און געזונד — עס וועט זיין א וויכטיגער אנפאנג — אזוי אז עס וועט אויסוואקסען א שטארקער און געזונטער מענש.

ספעשעל נאטיס צום טרייד

מיר זיינען זעהר גערן צו קענען דיענען ניט די טויזענדע מוטערס וועלכע פארדרען איגעל ברענד קאנדענסד מילך פאר זייערע קינדער. דורך דיזער צייטונג וועלען מיר זיי ערקלעהרען פון וואך צו וואך די פיעלע געברויכען וואס מען קען מאכען פון קאנדענסד מילך — זאכען וואס מען האט פראבירט און עס האט זיך אימער ארויסגעצייגט צופרידענשטעלענד.

אום מיר זאלען זיי קענען דיענען פינקטליך נעמען מיר דיעזע געלעגענהייט אייך צו בעטען, איהר זאלט איבערקוקען אייערע סטאקס און, אויב איהר געפינט אז אייער סופלאי פון באהרדענ'ס איגעל ברענד אדער אנדערע פראדוקטען איז צו קליין, זאלט איהר נויטיגסט גלייך געבען אייער ארדער אום מיר זאלען זיין אין שטאנד אייך צו סופלייען אין צייט, איהר זאלט קענען נאכקומען דעם פארלאנג.



The Borden Company
108 Hudson Street
New York

שניידט אויס דעם קופאן. מאכט א צייכען אויף'ן ביכעלע וואס איהר ווילט און שיקט עס אונז היינט. נ. 10

Mrs...

Street.......................................

City...

State..

——בייבי'ס וועלפעיר

——רעסיפי בוק

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמעריקאנער דאלערס.

קערילאק 2061

פון'ם „זמרה" קאנצערט

(ספּעציעל פאַר'ן „וועג")
פון ישראל ראַבינאָוויטש

עס פאָדערט זיך מוט און אידעאַליזם צו זיין אן אוואַנגאַרד.

דער וועג פון'ם פּיאָנער איז ניט באַדעקט מיט בלומען, נאָר מיט דערנער.

און ווען עס שטעלט זיך איינער א ביידעל אויף אין דער מדבר, און נעהמט אונז, די נאָכגעהער, אהין אריין צו שטילען אונזער דורשט, צו זעטיגען אונזער הונגער און פארטריבען אונזער מיעדקייט. דאן זאָלען מיר ניט דערוואַרטען קיין שאַמפּאַניער, קיין געבראָטענע טייבעלאך און קיין פוכיג בעטגעוואַנד. מיר דאַרפען האָבען אין זינען, אַז מיר געפינען זיך אין א קעמפּ פון פּיאָנערען; איינגעפּויעט בחפזון אויף א דערנערדיגען סטעפּ, וואָס פיהרט אויף דעם וועג פון פאַרשפּראָכענעם לאַנד...

אָט דאָס דאַרפען מיר שטאַרק האָבען אין זינען, איידער מיר געהען געבען אן אָפּשאַצונג פון אזא גאַנץ נייעם סאָרט קאָנצערט, ווי מיר האָבען געהערט פון דער „זמרה" לעצטען זונטאָג אָוועגנט אין אַרענאַ גאַרדענס.

עס איז פאַר איינעם גאַנץ לייכט אַריינצוזעהן אין גרויס באַגייסטערונג, ווען ער העלט אויף אן אַרטיסטישען אופן געשפּיעלט א חתונה-פרעהלאַכ'ס, וואָס דערמאָנט אזוי פיעל, אזוי פיעל... פון דער אַנדערער זייט איז אויך פאַר איינעם ניט שוועהר מבטל צו זיין די גאַנצע זאַך און, ווי דער רשע פון הגדה, שטעלען די ציניש קשיה: „מה העבודה הזאת לכם?"

באַגייסטערט צו ווערען איז לייכט, און נאָך לייכטער איז מבטל צו זיין.

מיר דאַרפען אָבער זיין גערעכט, — גערעכט צו זיך און גערעכט צו די „זמרה"-קינסטלער, וועלכע האָבען זיך געשטעלט א שווערע, אָבער אומשאַצבאַר-שעהנע אויפגאַבע.

זאָל דער לעזער דאָס האָבען אין זינען און ניט נעהמען איינזייטיג מיינע ווערטער, ווען איך וועל זאָגען, אַז די „זמרה"-קינסטלער האָבען זיך אונטערגענומען צו דעמאָנסטרירען דעם מוזיקאַלישען דלות, וועלכער איז אונז פאַרבליבען נאָכדעם ווי מיר האָבען דער וועלט רייך געמאַכט מיט גרויסע מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָרען.

און כבוד זאָל געגעבען ווערען צו די יעניגע, וואָס האָבען זיך אונטערגענומען אויפצוהאַלטען און באַלעבען די לעצטע רעשטלאַך און זיי דערטראָגען ביז צו א געזיכערטען פּלאַץ, וואו עס שיינט אן אייגענע וואַרימע זון און וואו עס קומען ניט צו קיין פרעמדע און בייזע ווינטען.

איך בין איבערצייגט, אַז דאָס אידישע פאָלק אין גלות פאַרמאָגט א מוזיק-קוואַל, פאַר דורות און דורות צו שעפּען. אָבער אונזער מדבר-דור האָט נאָך ניט דערלעבט קיין אייגענעם גלינקאַ. אין אַלגעמיין קומט פאָר די לעצטע 50 יאָהר א שטיקעל רעאַקציע אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון אידישע קאָמפּאָזיטאָרען. זינט מענדעלסאָנ'ס טויט, האָט זיך דערווייל נאָך א מענדעלסאָן ניט באַוויזען, טראָץ דעם, וואָס מיר זיינען לעצטענס אזוי פּראָדוקטיוו אין געניאַלע אינסטרומענטאַליסטען ווי פידעל-שפּיעלער, פּיאַניסטען א. א. וו.

די קלענערע אידישע קאָמפּאָזיטאָרען נאָך דער מענדעלסאָן-פּעריאָדע, אזעלכע ווי יאָהאַן שטראַוס, קאַרל גאָלדמאַרק, ערנעסט בלאָך און נאָך אייניגע, האָבען פונקט ווי דער גרויסער מענדעלסאָן און דער זשעניאַלער מייערבער געשאַפען פאַר אַנדערע, פאַר פרעמדע און לעאָ אָרענשטיין, וועלכער איז א קינד פון אונזער יונגען, אומרוהיגען דור, איז פונקט ווי טראָצקי אין דער וועלט פון סאָציאַלער פּאָליטיק, שטאַרק פאַרנומען מיט דער רעאַליזירונג פון [illegible] אידעען אין דער וועלט פון מוזיק...

מיר האָבען א מיסיאָן צו „פאַרשפּרייטען ליכט איבער דער וועלט" און מעהר ווי אויף אַלעם האָט זיך דער רעזולטאַט פון דער אַסימילאַטאָריש-רעפאָרמאַטאָרישער „מישיאָן און דזשודאַאיזם" אָפּגעשטעמפּעלט אויף אונזער נאַציאָנאַלער מוזיק. וואָס וואַרט נאָך יעצט אויף גרויסע מייסטער, ווייל זיי זיינען נאָך ניט געקומען.

אָט דעם דאָזיגען אמת האָבען נאָך מיט 12 יאָהר צוריק דערפיהלט אייניגע אידישע מוזיק-סטודענטען פון דער פּעטראָגראַדער קאָנסערוואַטאָריום. אַלס געטריע קינדער פון אידישען פאָלק, דורכגעדרונגען מיט א הייסער ליעבע צו דער אידישער קולטור, האָבען זיך די דאָזיגע מוזיק-סטודענטען געפרעגט די קשיה: „און ווי האַלט עס עפּעס מיט אידישער מוזיק?"

וואָרים זיי, אַלס מוזיקער האָבען פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם נאָמען „אידישע מוזיק" קען מען בלויז אָנרופען אזעלכע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, וואָס זיינען געבויעט אויף ריין אידישע טעמאַס, אָדער מאָטיווען. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז פונקט ווי א שרייבער וואָס שטאַמט פון אידען און גיט זיך אָפּ מיט באָאָבאַכטונגען פון א פרעמדען פאָלקס-לעבען איז ניט קיין אידישער שרייבער, פונקט אזוי איז דער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס שטאַמט פון אידען און קאָמפּאָנירט אויף ניט-אידישע מאָטיווען אָדער אויף סתם מוזיקאַלישע טעמאַס ניט קיין אידישער קאָמפּאָזיטאָר, ווייל ער שאַפט נישט קיין אידישע מוזיק. ער טראָגט בלויז אַריין א פּאָר שטריכען פון אידישען טעמפּעראַמענט אין א פרעמדער מוזיק.

רעאַליזירענדיג די אמת'ע לאַגע, האָבען דעמאָלט די דאָזיגע אידישע מוזיק-סטודענטען געגרינדעט אין פּעטראָגראַד די אידיש-מוזיקאַלישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט צוזאַמען מיט אייניגע אידישע ליטעראַטען, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען דער שריפטשטעלער און פאָלקלאָריסט ש. אַנסקי, צוזאַמענגעשטעלט א מין עקספּעדיציע, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער פאַרשיידענע אַלטע אידישע ישובים צו זאַמלען פאָלקס-ליעדער און פאָלקס-מאָטיוועו.

אין דער זעלבער צייט האָט די געזעלשאַפט באַשטימט א קריטעריום, וואָס עס דאַרף מיט זיך פאָרשטעלען די עכטע אידישע מוזיק און מיט וואָס זי אונטערשיידט זיך פון דער מוזיק פון אַנדערע פעלקער. עס האָבען זיך באַלד באַוויזען קאָמפּאָניסטען, אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון י. ענגעל, מוזיק-פּראָפעסאָר אין פּעטראָגראַדער קאָנסערוואַטאָריום און ביסלעכווייז, לאַנגזאַם אָבער זיכער, האָט זיך אָנגעהויבען באַשאַפען א אידישע מוזיק, געבויעט אויף כאַראַקטעריסטיש אידישע פאָלקס-מאָטיוון.

און דאַן האָט זיך די געזעלשאַפט געשטעלט די קשיה: וואָס איז די פעולה פון אונזער זאַמלען און באַאַרבייטען, א קיינער פון אונזערע גרויסע קינסטלער ווילען עס ניט שפּיעלען, ווייל זיי פיגורירען פאַר דער וועלט אַלס „רוסען". טאָ ווי אזוי מאַכט מען, אַז דאָס פאָלק זאָל עס הערען?

פאַר דער צוזאַמענשטעלונג פון א רייענדרען סימפאָנישען אָרקעסטער האָט געפעהלט די מאַטעריעלע מיטלען. אין עס דאַרום געפאַלען דער גורל אויף די זעקס יונגע-לייט וואָס שטעלען איצט צוזאַמען די „זמרה" און וואָס זיינען מיטגליעדער פון דער אידיש-מוזיקאַלישער געזעלשאַפט פון פּעטראָגראַד, צו ווערען די ערשטע פאַרשפּרייטער פון באַאַרבייטע אידישע נגונים און זיין דער ערשטער אַוואַנגאַרד פון אונזער מוזיקאַלישען רענעסאַנס.

אָט דאָס איז אין קורצען די געשיכטע פון „זמרה'ס" ערשיינונג אויף דער אידישער גאַס.

די אַרבייט פון דער פּעטראָגראַדער געזעלשאַפט בכלל, אגב — צוזאַמענצוקלייבען די עכט-אידישע מאָטיוועו און זיי האַרמאָניזירען, אָדער באַאַרבייטען לויט אַלע כללים פון מאָדערנער קאָמפּאָזיציע, און די אַרבייט פון די „זמרה"-קינסטלער באַשטעהט אין פאַרשפּרייטען די שוין צוזאַמענגעשטעלטע און שוין באַאַרבייטע אידישע קאָמפּאָזיציעס.

אָרום איז נאָך דערווייל די מוזיקאַלישע ליטעראַטור פון עכט-אידישע מוזיק קיין באַך'ס און קיין בעטהאָווענס האָבען נאָך דערווייל אין איהר זיך ניט באַוויזען, אָבער צו פאַרדאַנקען די „זמרה"-קינסטלער, ווערט אונז — דורך זייער געשמאַקפולען שפּיעלען — קלאָהר, וואו מיר האַלטען אין דער וועלט מיט אידישער מוזיק. מיר זעהען, אַז עס ווערט שוין אין א מוזיקאַלישען פּראָגראַם געשטעלט אזא נומער, ווי א „אידישע ראַפּסאָדיע", וואָס גיט אזא קינסטלערישען פּיאַניסט ווי בערדיטשעווסקי א געלעגענהייט צו דעמאָנסטרירען אַלע פאַזען פון זיין קינסטלערישען טאַלאַנט. מיר זעהן, אַז עס איז שוין מעגליך צוזאַמענצושטעלען א אידישען קאַמער-מוזיק פּראָגראַם מיט בלויז איין נומער א קלאַסישען — און דאָס איז, לויט די אומשטענדען א דערפרעהענדע ערשיינונג.

אויף ווי ווייט אַלע אידישע קאָמפּאָזיציעס וואָס די „זמרה" שפּיעלט, איז עכט אידיש — דאָס איז דערווייל א פראַגע, וועלכע איך נעהם זיך פאָרלויפיג ניט אונטער צו פאַרענטפערן. אורטיילענדיג לויט מיין קליינער מבינות, איז די מוזיקאַלישע אילוסטראַציע פון „כלה באַזעצענס", וואָס דער קלאַרנעטיסט בעליסאָן האָט געשפּיעלט, מעהר וואַלאַכיש ווי אידיש. אין דער זעלבער צייט גלויב איך אָבער, אַז זייער לעצטער נומער, „מוזיקאַלישער סקעטש" פון סוויט נומ. 2 (קרעין) איז גאַנצע 90 פּראָצענט אידיש אויב ניט גאַנצע הונדערט. עפּעס דוכט זיך מיר, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר האָט דורך די אויפרעגענדע „טרעמאָלאָס" (פון די פידלען) וואָס באַגלייטען די הויפּט מאָטיוון (פון טשעלאָ און קלאַרנעט) געוואָלט מאָהלען די אייביגע שרעק און אומזיכערקייט פון אונזער גלות-לעבען... דאַכט זיך אָט איז שוין אַלץ גוט און די פידלען געהען שוין איבער פון „טרעמאָלאָ" צו א פרעהליכען מאָטיוו, אָבער לאַנג האַלט ניט אָן די אידישע פרעהליכקייט און ווידער אַמאָל קומט די טשעלאָ אַרויס מיט א קלאָג-מאָטיוו און די פידלען — מיט די אויפציטערענדע „טרעמאָלאָס"...

א געשמאַקפולע אַראַנזשירונג איז אויך גוראָוויטש'עס כל-נדרי, וועלכער איז רייך אין האַרמאָנישע עפעקטען און פאַרליערט דאָך ניט דעם טראַדיציאָנעלען שטייגער.

און אין אַלגעמיין איז עס, לויט מיין מיינונג אזוי:

די „זמרה" מאַכט אונז קלאָהר, אַז זעהר רייך איז די נייע אידישע מוזיק נאָך ניט, אָבער עס פאַנגט אזעלכע זיך אָן שאַפען. און מיט דעם ציעל, וואָס די „זמרה" האָט פאַר זיך — פאַרניצען די פּראָפיטען פון זייערע קאָנצערטען אויף א קונסט-טעמפּעל אין פּאַלעסטינאַ — ווערט זי אן אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל פאַר דעם צוקונפטיגען היסטאָריקער, וואָס וועט שרייבען די געשיכטע פון דעם מוזיקאַלישען רענעסאַנס ביים אידישען פאָלק.

וואָס איז קאָנדענסד מילך?

ווי ווערט עס געברויכט?

איבער דריי-און-זעכציג יאָהר צוריק האָט געיל באָרדען, וועמען'ס פּיקטשור איהר זעהט דאָ אויף דיזען אַדווערטייזמענט, און וועלכער האָט געגרינדעט די גרויסע מילך קאָמפּאַני, וואָס טראָגט יעצט זיין נאָמען, אויסגעפונען ווי צו מאַכען קאָנדענסד מילך — די ערפינדונג איז באַשטאַנען אין אויסקלייבען די גאַנץ העכסטע קוואַליטעט פון פול קרים—קיה-מילך, פון געזונטע קיה בלויז, און צו דיזער מילך איז צוגעגעבען געוואָרען גענוג געמאָלענער צוקער צו האַלטען די מילך זיס און געזונד, נאָכדעם איז זי דורכגעגאַנגען א געוויסען גראַד היץ, וואָס האָט ניט פאַרניכטעט דאָס לעבען און דיא שפּייז-ווערטע פון דער מילך, א טהייל וואַסער איז פון איהר אַרויסגעטריבען געוואָרען, און דער פּראָדוקט וואָס איז דער פון אַרויסגעקומען, איז גערופען געוואָרען באָרדען'ס איגעל ברענד קאָנדענסד מילך.

געיל באָרדען איז געווען דער ערפינדער פון דיזער וואונדערבאַרער מעטאָדע צו האַלטען מילך אין אַלע צייטען און אין אַלע קלימאַטען, אזוי פריש און זיס און געזונד, ווי נאָר אויסגעמאָלקען פון געזונדסטע קיה.

באָרדען'ס איגעל ברענד ווערט איבערהויפּט געניצט פאַר בייבי שפּייז, ווען מוטערס מוזען איבער אירגענד וועלכע אורזאַכע האָדעווען זייער בייבי מיט א באָטעל — דער פערלאַנג פיר דיזען צוועק איז אזוי גרויס, אַז מעהר בייבים ווערען אויפגעצויגען ערפאָלגרייך אויף איגעל ברענד ווי אויף אַלע אַנדערע פאָרמען פון קונסט-געמאַכטע שפּייז צוזאַמענגענומען. ווען עס זאָל זיין מעגליך צוזאַמענצונעהמען אַלע מענער, פרויען און קינדער, וואָס זיינען אויפגעצויגען געוואָרען אויף איגעל ברענד דורך די לעצטע דריי גענעראַציאָנען, וואָלט די צאָהל געווען צוויי מאָל אזוי פיעל ווי די צאָהל פון סאָלדאַטען און מאַטראָזען וואָס דיזע לאַנד האָט געשיקט איבער'ן ים דורך דער צייט פון דער גרויסער וועלט-מלחמה.

איגעל ברענד, איבער איהר הויכע קוואַליטי, איינפערמיגקייט, איז די בעסטע און ביליגסטע מילך וואָס איהר קענט יוזען פיר אַלגעמיינע באַלעבאַטישקייט און טיש געברויך. זי מאַכט די הויזווירטהין פריי פון זאָרגען פיר צוקער. קויפט א קען היינט ביי אייער גראָסער — יוזט עס פיר אַלעס וואָס איהר ברויכט, וואו איהר האָט ביז יעצט געיוזט מילך און צוקער צוזאַמען. צום ביישפּיעל פיר רייז-פּודינג, סאָוסעס, אייזעס, א. ז. וו. שיקט פיר א רעסיפּי ביכעלע, און איהר וועט זיך אַליין איבערצייגען ווי ווייט איהר קענט פערקלענערען אייערע לעבענס עקספּענסעס.

אויב אייער בייבי איז ניט געזונד — אויב זי געווינט ניט אין וואָג — אויב זי איז נערוועז און אויפגערעגט — איז עס וואָהרשיינליך די שפּייז ניט צו פריעדענשטעלענד. אָדער עס שטימט ניט מיט איהר. שרייבט אונז היינט — און מיר וועלען אייך שיקען שפּייז אינסטראַקשאַנס געשריעבען אין אידיש — דאָס וועט אייך העלפען מאַכען אייער בייבי שטאַרק און געזונד — עס וועט זיין א וויכטיגער אָנפאַנג — אזוי אַז עס וועט אויסוואַקסען א שטאַרקער און געזונטער מענש.

ספּעשעל נאָטיס צום טרייד

מיר זיינען זעהר גערן צו קענען דיענען גוט די טויזענדע מוטערס וועלכע פאָדערען איגעל ברענד קאָנדענסד מילך פאַר זייערע קינדער. דורך דיזער צייטונג וועלען מיר זיי ערקלעהרען פון וואָך צו וואָך די פיעלע געברויכען וואָס מען קען מאַכען פון קאָנדענסד מילך — זאַכען וואָס מען האָט פּראָבירט און עס האָט זיך אימער אַרויסגעצייגט צופרידענשטעלענד. אום מיר זאָלען זיי קענען דיענען פּינקטליך נעמען מיר דיזע געלעגענהייט אייך צו בעטען, איהר זאָלט איבערקוקען אייערע סטאָקס און, אויב איהר געפינט אַז אייער סופּלאַי פון באָרדען'ס איגעל ברענד אָדער אַנדערע פּראָדוקטען איז צו קליין, זאָלט איהר נויטיגסט גלייך געבען אייער אָרדער אום מיר זאָלען זיין אין שטאַנד אייך צו סופּלייען אין צייט, איהר זאָלט קענען נאָכקומען דעם פערלאַנג.

The Borden Company

108 Hudson Street

New York

שניידט אויס דעם קופּאָן. מאַכט א צייכען אויפ'ן ביכעלע וואָס איהר ווילט און שיקט עס אונז היינט.

נ. 10

Mrs. ....

Street ....

City ....

State ....

——בייבי'ס וועלפעיר

——רעסיפּי בוק

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פּיפּלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאַר אייך בלויז

פאַר פּאָסט קאָסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אַמעריקאַנער דאָלערס.

קערילאַק 2061

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג איז מישיגאן סטיים
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין, 3715.

מיטוואך, 10טער מארטש, 1920

די פלארענס קריטענטאן האום, אין דעטראיט

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון י. פינקעלשטיין

צווישען די פיעלע ברענענדע פראגען וואס די, פון מלחמה צושטערטע איראפא, וועט האבען צו לעזען איז די פראגע פון מיידלעך־מוטערס איינע, פון די וויכטיגסטע.

די קריסטליכע רעליגיאן, ווי אויך אנדערע, די אידישע רעליגיע האבען באטראכט די מיידעל־מוטער פאר א פארברעכערין.

קיין רחמנות איז צו אזויגע זינדיגע מיידלעך ניט געצייגט געווארען.

ווער פון אונז געדענקט עס ניט וויפיעל באליידיגונג און ערנידערונגען עס זענען אין אונזער אלטער היים אויסגעשטאנען די דאזיגע קרבנות? וויפיעל פון זיי זענען געצוואונגען געווארען צו פארלאזען זייער אייגענע היים, זייערע טייערסטע און געליעבסטע און מיט א שאנדפלעק אויף זייער נשמה זיך לאזען אין דער גרויסער וועלט זוכען שוץ פאר זיך און פאר דעם נייגעבוירענעם קינד.

ווי שפיעלע מארטירער האבען דיעזע מיידלעך פאר דורות לאנג געמוזט צאה'לען דער מאראליש צניעות'דיגער געזעלשאפט דעם פרייז פאר זייער אומבארעכנעטען שריט, און אפט אפילו מיט זייערע אייגענע הענט די פרוכט פון זייער מאמענטאנער ליעבע טויטען.

פיעלע פון די, וואס זענען אנטלאפען אין דער גרויסער וועלט, פארלאזען פון אלעמען, זענען שפעטער טיעפער געזונקען, און האבען פארענדיגט זייער לעבען אין דער אונטער וועלט. קיינע פון זיי איז מיט קיין לייכטער שטראף ניט אפגעקומען.

עס איז אבער איצט עפעס אנדעריש, נאר נייעס, באטש טרויעריגעס פארגעקומען, וואס וועט מוזען איבעראנדערשען דעם בליק פון דער וועלט אויף די מיידלעך־מוטערס. אליין די קריסטליכע מאראליסטען, וואס האבען אזוי פאטריאטיש אין מלחמה צייט זייער טעטיגקייט ארויסגעוויזען, וועלען דערפאר מיט זייער מאראל מוזען באצאהלען.

שוין הערט מען אין די צייטונגען אין רוסלאנד, פראנקרייך און אויך אנדערע לענדער זענען גרייט צו באשיצען די גרויסע צאהל פארגוואלדיגטע קרבנות פון דער וועלט־מלחמה. די „ממזרים" פון סאלדאטסקער גרויזאמקייט, און מלחמה ברוטאליטעט וועלען אנערקענט ווערען אלס געזעצליכע קינדער, און זייערע מוטערס וועלען שוין מעהר ניט פארפאלגט ווערען.

און אין אמעריקא וועט מען מסתמא אויך א קאמפראמיס מאכען מיט דער מאראל.

עס איז קיין צווייפעל ניט אז די געזעלשאפט אלס גאנצעס און באזונדערס די שטאדט אדמיניסטראציעס פון אונזערע גרויסע אמעריקאנער שטעדט האבען נאך ניט ארויפגענומען דעם שאנד־פלעק וואס דאס מיידעל טראגט אויף זיך פאר האבען א קינד איידער זי האט געזעצליך חתונה געהאט. דער פוריטאנער גייסט פון אמעריקא קען דאס גאר ניט אנערקענען. אין אזויגע שטעדט ווי נויארק, שיקאגא און באסטאן ווערען פיעלע פון דיזע אונגליקליכע „פארברעכערינס" פארשיקט איבער'ן וואסער, וואו מען האלט זיי פאר יאהרען לאנג ווי פשוט'ע ארעסטאנטען און מען צווינגט זיי צו טאן שווערע ארבייטען.

די קינדער ווערען צו דיעזע מיידלעך־מוטערס ניט אנפערטרויעט און פאר דער מינדעסטער קלייניגקייט ווערען זיי באשטראפט.

עס פארשטעהט זיך אז נאך אזויגע „רעפארמען" ווערט ביי דער יונגער מיידעל געשאפען א באגריף אז דאס גאנצע לעבען איז נישט מעהר ווי א לאנגער שווערער וועג פון פארברעכען, וואס זי איז אונבאוואוסטזיניג באגאנגען און פון דער צווייטער זייט שווערע שטראף וואס זי מוז אפקומען.

און ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע האט זיך אבער איצט געפאדערט אין אמעריקא פונקט ווי אויף יענער זייט ים. אויב עס האבען עס ניט באגריפען די שטאט־טאטעס, די פאליטישע פיהרער און קריסטליכע פריידיגער, האבען עס אבער באגריפען איינצעלנע פערזאנען — און אינסטיטושאנס פאר ציטוויליגער הילף און פריינדליכער שטיצע זיינען געשאפען געווארען.

אזא הויז איז די קלארא דע הירש האום אין נויארק; אזא הויז איז די פלארענס קריטענטאן האום אין דעטראיט.

מיר האבען זיך אין דעם ארטיקעל לענגער אפגעשטעלט אויף דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון דער פראגע צוליעב דריי אורזאכען: ערשטענס אום די לעזער צו געבען א באגריף וועגען דער דרינגענדער נויטווענדיגקייט פון אזעלכע אינסטיטושאנס. צווייטענס, ווייל דער אופן ווי אזוי פיעלע פון די מיידלעך ווערען דא אין לאנד פארפיהרט איז אזוי פארשיעדען, דאס מען קאן במעט קיין־שולד צו שולדיגע ניט געפינען, דאס הייסט די אונגליקספעלע זיינען איינפאך און אויסדרוק פון יוגענד און לעבען און זיינען אזוי פארשיעדענארטיג ווי דאס לעבען אליין. דריטענס צוליעב דעם וואס דער אינסטיטושאן וואס ווערט דא באשריבען איז במעט ניט אנדערש ווי די אנדערע אינסטיטושאנס פון ענליכען כאראקטער איבער גאנץ אמעריקא.

דאס הויז געפינט זיך אויף עליזאבעטה סטריט קארנער ענטווין. שוין ביים אריינקומען אין הויז באמערקט מען דיא שימערירענדע זויבערקייט, וואס איז אזוי איינגענשאפטליך צו אמעריקאנער אינסטיטוציעס. פון לינקס איז איינגעריכטעט א שעהנער אפיס און פון רעכטס — ציהען זיך דורך דער גאנצער לענג פון הויז דריי גרויסע שעהן־מעבלירטע צימערען.

דאס ערשטע צימער דיענט אלס אויפנאהמס־צימער פאר די פריינד און פארוואנדטע פון די מיידלעך און אויך אלס מיטינגזאל פאר דער באארד אף טראסטיעס. דאס צווייטע צימער דיענט אלס ארבייטס צימער פאר די מיידלאך איידער זיי ווערען ענטבונדען. זייער ארבייט באשטעהט מעהרסטענס אין נייהען, צייכנען, לעזען, שרייבען און אזוי ו. וו.

צו לעצט קומט דאס עס־צימער, דורך וועלכען עס ציהען זיך איבער דער גאנצער לענג זויבער באדעקטע טישען און בענק. די ווענד פון אלע צימערען זיינען באהאנגען מיט בילדער פון אמעריקא'ס גרויסע מענער ווי אויך פון די גרינדער פון דעם אינסטיטושאן.

אויף דעם 2טען און 3טען פלאר געפינט זיך די לייברערי און די שלאף־צימערען פאר די 60־70 מיידלעך וואס געפינען זיך דארט.

די ביכער אין דער לייברערי זיינען פארזיכטיג אויסערוועהלטע ווערק, וועלכע זאלען מיט קיין זאך ניט דערמאנען די מיידלאך אין זייער אייגענער לאגע. דער אינסטיטושאן האט אויך צוויי קינדער־צימערען: איינס פאר קינדער זיך צו שפילען און איינס א שלאף־צימער. קיין אונטערשיעד פון ראסע צי רעליגיאן עקזיסטירט דא לחלוטין ניט. אין דער צייט וואס דער שרייבער פון דיעזען ארטיקעל האט דעם אינסטיטושאן באזוכט האבען זיך דארט געפונען 6 שווארצע מיידלאך און אויך א אידישע מיידעל פון 17 יאהר אלט — נאך במעט א קינד מיט העלבלויע אויגען און א שעהנעם קאפ בלאנדע לאקען.

די גאנצע צייט האט זי געווארפען זייטיגע בליקען אויף דעם שרייבער, דערקענענדיג, וואהרשיינליך איינעם פון איהרע אייגענע.

אזוי ווי עס איז אונז אבער ניט ערלויבט געווארען צו רייזען צו די מיידלעך האבען מיר זיך נאך א קורצען שפאציער פארנומען צוריק אין רעסעפשאן רום.

אין גייסט איז דער אינסטיטושאן רעליגיעז. יעדען טאג קומען דא פאר „גאטעס־דיענסטע" און ספעציעלע „סאשעל־רעפארמער" רעדנער ווערען אפט איינגעלאדען צו האלטען פאר די מיידלעך מוסר רעדעס און ציינען זיי דעם ריכטיגען וועג צו לעבען. אויסער דעם פאקט איז בכלל די באציהונג צו די מיידלעך א גאנץ ליבעראלע. קיינמאל ווערט דא ניט פארגעווארפען א מיידעל, צו אפילו דערמאנט דער אומגליק וואס האט מיט איהר געטראפען. דאס „געשעהעניש" ווערט אויפגענומען ווי א נאטירליכע ערשיינונג און מאכט די מיידלאך צו פיהלען זיך פריי. זייער נידערשלאגענהייט פון די ערשטע פאר טעג פארשווינדט במעט ביי אלע נאך דעם ווי זיי געפינען אויס דאס מען האט זיי דא ניט געבראכט אום זיי צו באשטראפען.

אין די לעצטע טעג פאר דעם ענטבונדען ווערען און, אויך אין דער צייט ווען דאס מיידעל ליגט צו בעט ווערט איהר דורך טויזענד און איין קלייניגקייט אקוויגעציגט ליעבע און צערטליכקייט. במעט ארום אלע בעטען געפינען זיך בלומען און די „נוירסעס" זיינען אויפגעפאסערט העפליך צו זיין די קראנקע און מיט אלעם צופריעדענשטעלען; און איהר געשפרעך מיט די קראנקע זוכט די סופרענטענדין צו „קליין־געלד" מאכען דעם אומגליק פון דער מידעל און וועקען אין זייערע צושראקענע נשמות נייע האפנונגען צו לעבען און ארבייטען.

פאר דער צייט פון 6־8 מאנאטען וואס די מיידלעך פארברענגען דארטען, דארפען זיי באצאהלען 40 דאלאר. אויב אבער זיי קאנען די דאזיגע סומע ניט באצאהלען קאנען זיי דא אפארבייטען פאר דעם געלד. ווי גרויס די צופרידענהייט פון די מיידלאך איז מיט דעם אינסטיטושאן קאן באווייזען דער פאקט דאס נאך דעם ווי א מיידעל געהט אוועק ארבייטען [illegible] זי דא איבער איהר קינד. פאראנען אזויגע וואס האלטען דא זייערע קינדער פאר 6 און 8 יאהר, צאהלענדיג דעם אינסטיטושאן א קליינע סומע. דער גארטען ארום פארק ווי אויך די זויבערקייט אין די שלאף־צימערען ווירקט ערפרישענד אויף די יונגע מיידלאך־מוטערס און לערענט זיי צו פיהרען א ניי לעבען.

א לאנגען געשפרעך האט דער שרייבער געהאט מיט דער סופרענטענדין מיס הארטוועל.

אליין איז זי א הויכע, דיקע פרוי, אונגעפעהר 40 יאהר אלט.

דער ברייטהערציגער סימפאטישער שמייכעל, וואס ליגט אויף איהר געזיכט גיט איהר ווירקליך אן אויסזעהן פון א גרויסער גוטער מאמען וואס גיט אכטונג אויף איהרע קראנקע, געשטרייכעלטע קינדערלעך.

פאר די גאנצע 23 יאהר זינט די אינסטיטושאן איז געגרינדעט איז מיסס הארטוועל פארבונדען מיט דער דאזיגער ארבייט.

געגרינדעט איז דער אינסטיטושאן פון א רייכען דראגיסט מיט'ן נאמען קריטענטאן. דאס הויז רופט זיך אויף זיין פארשטארבענער פיער־יעהריגער טאכטערס נאמען.

א באארד אוו טראסטיס, פון 7 ארבייטען אויס פלענער פאר סטריט קאלעקשאנס ווי אויך קאמפיינס אריינצובאקומען שטיצע פון איינצעלנע פערזאנען. די דאזיגע געזאמעלטע געלדער צוזאמען מיט די סומען וואס די מיידלאך דעקען דיא אויסגאבען פון דעם אינסטיטושאן. דיא באארד אוו טארסטיס האט אויך די אויפגאבע צו געפינען ארבייט פאר די ענטבונדענע מיידלעך, וואס לאזען אין דער אינסטיטושאן זייערע קינדער. צו דיא וויעדער וואס נעהמען זייערע קינדער אהיים, ווערט פון צייט צו צייט געשיקט א בעאמטער פון דעם אינסטיטושאן געוואהר צו ווערען צו די אנפיהרונג פון דעם מיידעל איז איצט א בעסערע און שעהר זיכערע.

איינע פון אונזערע לעצטע פראגען צו מיסס הארטוועל איז געווען צו וואלטען מאנכע פון די אונגליקספעלע מיט דיא מיידלאך געקאנט באזייטיגט ווערען. דאראויף איז איהר ענטפער געווען:

„קיין אונבאשטימטע אורזאכע פון דיזע אומגליקען איז ניטא און דאריבער איז אויך ניטא קיין באשטימטע רפואה. דיא מעהרסטע פעלע קומען פאר גאנץ איינפאך: דאס מיידעל באגעגנט זיך מיט דעם יונגען מאן ביי א טאנץ, צו ביי באקאנטע; ער צייגט איהר זיינע פעהיגקייטען צו טאנצען און באצויבערט זי מיט זיינע פיינע מאניערען, צי אנדערע מעלות. ער נעהמט זי ארום פאר א „גוד־טיים", זאגט איהר צו צו הייראטען ביז זי פאלט א קרבן.

עס זענען אויך פאראן אויסנאהמס־פעלע. אט, צום ביישפיעל, האבען מיר דא א קינד פון 14 יאהר, וועלכע דארף אין קורצען א מוטער ווערען. זי האט געוואוינט מיט איהרע עלטערען אין א שטעטעל, ניט ווייט פון דעטראיט. איין טאג זיינען איהרע עלטערען געפאהרען אין שטאדט פאר ביזנעס, א שכנ'ס א באי האט זיך ארייננעריסען אין הויז און איהר באצוואונגען.

פיעלע קייסעס קומען אבער אויך פאר אין וועלכע די ברוטאליטעט צו פארפיהרערישקייט פון יונגעמאן זיינען ווייט נישט די אורזאכע פון אונגליק, ניבער איז עס די נאכלעסיגקייט* פון דער מיידעלס עלטערען און דאס ווילדע לעבען וואס א מיידעל אין דער גרויסער שטאדט פיהרט.

די מעהרסטע מיידלעך ביי הייגטיגער צייט ווייסען גארנישט וואס הייסט זיין א הויז מיידעל, הויז ארבייטען ווי קאכען באקען און ארויסהעלפען זייער מוטער איז ביי זיי ערגער ווי סם. באלד ווי א מיידעל ווערט נאר 14־15 יאהר אלט שלעפט זי אויף זיך ארויף א לאנגע קלייד, פאודערט זיך אן איהר נאז און ווערט גייבער זוכען א דזשאב אין א פעקטארי צו סטאר, איידער ארויסהעלפען איהר מוטער אין איהר הויזארבייט. איהר גאנצע גייסטיגע וועלט באשטעהט נאר אין אויסגעהן צו טענצען מיט באיעס, מאכן אפאינטמענטס און לויפען צו מאווינג פיקטשורס.

מען קאן מיט זיכערהייט באהויפטען, דאס די עלטערען פון אזויגע פארפיהרטע מיידלעך האבען א גרויסע שולד אין דעם אונגליק פון זייערע טעכטער.

פארלאזענדיג דאס הויז האבען מיר געפיהלט אז אין די לעצטע ווערטער פון מיסס הארטוועל ליגט ווירקליך א גרויסער אמת.

בית יתומים

א מיטינג פון בית יתומים ווערט אפגעהאלטען אין

אין אוטאפיע האל

קאר. היי און הייסטינגס

דיענסטאג מארטש דעם 16-טען

אום 8 איהר אווענט

זייט וויסען אז מיר שיקען ניט מעהר קיינע לעטערס פאר קיין מיטינג. מר לאזען דאס וויסען דורך דער פרעסע.

זונטאג מאסמיטינג

ארטורא דזשיאוואניטא דער איטאליענער פאעט
און דזשייקאב מארגאליס פון פיטסבורג
וועלען דערצעלען דעם עולם דעם אמת וועגען דער טרויריגער לאגע פון די פרויען און קינדער
פון די רוסישע דעפארטים

ארענא גארדענס
1253 וואודווארד עוו.

זונטאג מארטש 14-טען
2 אוהר נ. מ.
ברענגט אייערע פריינד.

ציון-קאמאנוועלטה

א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אויסקויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש־ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער ציוניסטישער לאנד־אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אידען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארבייט.

א גרויסע געלעגנהייט, וועלכע קיין איד זאל ניט פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט גערען געבען אלע אויסקינפטע, זיך ווענדען האטעל פאריטשעלבי.

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
דזשאדזש דזשוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברוידי
בערנארד א. ראזענבלאט

ציון קאמאנוועלטה, 55 — 5טע עוועניו, נויארק.

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער הארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה ניט צו זאגען „סינסינעטי מצה", נאר אויסדריקליך פאדערן

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

ניו־יארק אפיס: 1 יוניאן סקווער

די ב. מאנישעוויטץ קא. סינסינעטי, אהייא

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO

לעווין מצה קאמפאני

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאַן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 79 authorozed by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.''

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Thursday, March 11th 1920 Vol. 2, No 25 — דאָנערשטאָג מאַרטש 11, 1920

דעטראָיטער אַרעסטירטע ראַדיקאַ־לען ערקלערען הונגער סטרייק

איבער 200 פאַרדעכטיגע 'רויטע', וועלכע ווערען געהאַלטען אין פאָרט וויין מיט דעם צוועק צו דעפּאָרטירען זיי קיין רוסלאַנד, האָבען לעצטען מאָנטאָג אָוונט ערקלעהרט א הונגער־סטרייק, אלס פּראָ־טעסט, וואָס די פעדעראַלע אויטאָריטע־טען האָבען זיך אָנטזאָגט צו צולאָזען א גרויסע צאָהל געסט, וועלכע זיינען געקו־מען זיי באַזוכען.

ניט נאָר האָבען די אַרעסטירטע זיך אַנטזאָגט צו עסען, נאָר האָבען זיך אויך אַנטזאָגט צו אַרבייטען. זיי ווילען אפילו ניט אָנוואַרימען די „באַילערס" וואָס גיט היץ אין זייערע קאַמערען.

הויפּט אימיגריישאָן אָפיסער, פ. ל. פּרענטיס, האָט נעכטען אַרויסגעגעבען אַ ערקלעהרונג, אַז עס וועט ניט געמאַכט ווערען קיין פאַרזוך צו ברעכען זייער הונ־גער און קעלט־סטרייק. ער וועט זיי — זאָגט ער — ערלויבען צו הונגערען און פריהרען וויפיעל נאָר זיי ווילען.

די אורזאַך, וואַרום עס זיינען צו דיא אַרעסטירטע סאָציאַליסטען ניט צוגעלאָ־זען געוואָרען קיין געסט איז דאָס, וואָס די אימיגראַציאָנס בעאַמטע גלויבען, אַז די פינף אַרעסטירטע, וועלכע האָבען זיך

געראַטעוועט פון געפאַנגענשאַפט, האָבען וואַרשיינליך צו פאַרדאַנקען די אַפטע געסט, וואָס פלעגען צו זיי קומען. די בע־אַמטע האָבען שטאַרק מורא, אַז די צאָהל פון אַנטלאָפענע וועט זיך פיעל פאַרגרע־סערען, אין פאַל מ'זאָל אומגעשטערט צו־לאָזען געסט צו די אַרעסטירטע.

דינסטאָג און נעכטען א גאַנצען טאָג האָבען די אַרעסטירטע ראַדיקאַלען זיך ניט צוגעריהרט צו קיין שפּייז. ווי לאַנג זיי וועלען עס קענען אַנהאַלטען בלייבט צו זעהן.

9 סטרייקער זיינען דינסטאָג אַריבער־געשיקט געוואָרען אין פאָנטיאַק דזשייל, און אין פאַל דער סטרייק זאָל פאָרטגע־זעצט ווערען, וועט מען די קאָמפּאַניע צו טיילען אין עטליכע גרופּען און זיי איבער־שיקען אין באַזונדערע פלעצער. דערמיט ווילען עס די אימיגראַציאָנס בעאַמטע ברעכען די איינינקייט פון די סטרייקער.

אויף א מיטינג וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דינסטאָג אָוונט פון דער „אמע־ריקענס ווימענס קאָמיטע", איז איינשטי־מיג אַינדאָרסירט געוואָרען די רעזאָלוציע, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אָנגענומען גע־וואָרען פון דער אמעריקאַן פעדערייש

און לייבאָר קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ, וועלכע פאָדערט אויף די אימיגראַציאָנס־בעאַמטע ענטוועדער צו דעפּאָרטירען די אַרעסטירטע ראַדיקאַלען אויף א מענשליכען אופן, אָדער מען זאָל זיי אין גאַנצען באַ־פרייען.

מיט העלען טאָן, וועלכע האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג צו אינדאָרסירען די רע־זאָלוציע, און וועלכע איז אויך אנוועזענד געווען אויף יענער קאָנפערענץ אין שי־קאַגאָ, וואו די רעזאָלוציע איז פאַרפאַסט געוואָרען, האָט ערקלעהרט, אַז אַרעסטיר־טע ראַדיקאַלען, וועלכע ווערען געהאַלטען צום דעפּאָרטירען, זיינען באַהאַנדעלט גע־וואָרען בהוטאַל און אומפאַרזיכטיג פון רע־גירונגס־בעאַמטע.

עס איז אויף דיזען מיטינג אויך באַ־שלאָסען געוואָרען צו שיקען וועניגסטענס איין פאַרטרעטערין צום מאַסמיטינג אין וואַשינגטאָן, וואָס וועט אין גיכען אָפּגע־האַלטען ווערען אום צו פּראָטעסטירען גע־גען די אוממענשליכע מעשים פון רעגיר־ונגס בעאַמטע בנוגע די גע'רודפ'טע ראַ־דיקאַלען.

ענגלאַנד שיקט קיין אײַרלאַנד סאָלדאַטען און שווערע אַרטילעריע

דובלין, מאַרטש 10 — שטאַרקע באַ־אויפ'ן וועג קיין אײַרלאַנד. פיעל צוגען, וועגוגנען פון ענגלישע סאָלדאַטען זענען וואָס פיהרען סאָלדאַטען, פעלד־קאַנאָנען און שווערע אַרטילעריע זענען דאָ אָנגע־קומען אין פאַרלויף פון די לעצטע 24 שטונדען. די טרופּען ווערען צושיקט אין פאַרשיידענע טיילען פון'ם לאַנד.

לויט א באַריכט פון דעם „פרימען'ס דשורנאַל", זענען אין דובלין דינסטאָג אָוונט אָנגעקומען צוויי שיפען מיט פיעל סאָלדאַטען, קאַוואַלעריע, און אינפאַנטע־ריע.

ס'ווערט האַלב אָפיציעל איבערגעגע־בען, דאָס די מיליטערישע פאַרשטעהער געהמען אַ פאָרזיכטונגס־מיטלען געגען אַן אויפשטאַנד פון די שין־פיינער „איס־טער"־צייט, ווען ס'וועט זיין דער 4־טער יאָהרצייט פון דער דובלין רעוואָלוציע. פיהרער פון די שין־פיינער גלויבען, דאָס די מיליטערישע באַאַמטע ווילען מאַ־כען גרויסע אבלאַוועס אין די קומענדע פאַר טעג און אַרעסטירען די וועלכע האָ־בען גענומען אַן אַנטייל אין דעם אויפ־שטאַנד פון יאָהר 1916. די אלע, ווערט געזאָגט, זענען אַנגעוויזען צו אַרעס־טירט ווערען.

6 מענשען פאַרוואונדעט אין אַן אויפרייס' אויף 406 גודווין סט.

אין דעטראָיטער קאָורטס

האָט זיך אויסגעלערענט שפּיעלען „פאָוקער" אין העטראָיט.

„איך האָב קיין מאָל ניט געוואוסט ווי מ'שפּיעלט א „פּאָוקער" ביז איך בין געקומען אין דעטראָיט"

אַט אַזוי האָט גבעך וויליאַם לואיס אויסגעזאָגט זיין ביטער האַרץ פאַר דזשאַדזש קאָטער אין פּאָליס־קאָורט נומ. 2. ווען ער איז געמשפּט געוואָרען אויף דער קלאַגע פון האַלטען א „געמבלינג" הויז.

„הער דזשאַדזש — איז לואי — האָט דער ריכטער געזאָגט — פון היינט אָן אין ווייטער זאָלסטו זעהן אויסזוכען עפּעס שטערענט אין די לבנה האָט געשיינט, און גוטער תלמיד. דו ביסט באַפרייט, ווייל דו ביסט צום ערשטען מאָל אין קאָורט, אָבער זיי וויסען אַז א צווייטער „פּאָוקער" וועט דיר האָסטען טייער".

אויף דעטראָיטער גאַסען

טעטיגקייט פון „האָלד אָפּניקעס", קעשענע גנבים און באַנדיטען הערט ניט אויף

אין פאַרלויף פון דינסטאָג'דיגער נאַכט האָבען קעשענע גנבים, האָלד אָפּניקעס און באַנדיטען באַרויבט איינינע דעטראָי־טער בירגער אויף איבער $600.

דינסטאָג אָוונט זיינען א פּאָר באַנ־דיטען אריין אין גראָסערי סטאָר פון 446 גרענד ריווער עוו., געמאַכט א „האָלד אַפּ" אויף דעם אייגענטימער, לואיס זי־לאָף און זיין פרוי און באַרויבט $410. וואָס מרס. זילאָף האָט געהאַט אין קעשע־נע און אויסגעליידיגט דעם קעש רעדזשיס־טער, וואו עס האָט זיך געפונען 40 דאָל.

דינסטאָג שפּעט ביינאַכט האָבען גנבים אויפגעבראָכען די פענסטער פון א שניי־דער שאָפּ אין 1716 גראַשיאָט עוו. און געמאַכט א פאַרזוך צו באַרויבען די וואַ־

קראַנקע פרוי געראַטעוועט פון פייער 3 מענער שפּרינגען פון 2טען פלאָר

דינסטאָג נאָך 12 אזייגער ביינאַכט האָט אויסגעבראָכען א שרעקליכער פייער אין דער צוויי־שטאָקיגע הויז פון 264־266 בוביען סט. 12 פּערזאָן האָבען אין דיא נאַכט־קליידער זיך אַרויסגעראַטעוועט אין גאַס. דריי האָבען געשפּרונגען פון 2טען פלאָר און איינע א מרס. דזשאָזעף יאַנג, וועלכע איז קראַנק אויף אינפלוענציא, איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען דורך די אָנשטרענגונגען פון איהר מאַן, וועלכער פאַרוואַלטעט יענע רומינג הויז. די קראַנ־קע פרוי האָט בלויז געטראָגען איהרע נאַכט קליידער.

דער פייער, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנ־גען פון אַן איבערגעבערענטער סטאָוו פּייפּ, האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט איי־בער'ן גאַנצען בילדינג און ווען די לעצטע דריי מענער האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין דאָס גאַנצע הויז געווען איינגעוויקעלט אין פלאַמען און זיי האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי שפּרינ־גען פון 2טען פלאָר.

די מענער וואָס האָבען אַרונטערגע־שפּרונגען זיינען: טאַבערט יאַנג, 26 יאָהר אַלט; וויליאַם דזשאַנס, 35 יאָהר אַלט און ראַי געינס, 19 יאָהר אַלט. דער לעצטער האָט זיך שטאַרק צושניטען זיין רעכטען אָרם, ווען ער האָט אויסגעבראָכען דאָס פענסטער פון זיין בעד־רום, איידער ער איז אַראָפּגעשפּרונגען. ער איז א האַלב־נאַקעטער צוגענומען געוואָרען אין רעסי־ווינג האָספּיטאַל.

דער בילדינג איז [illegible] דאָס אייגענטום פון דער מעדיזי[illegible] ריעלטי קאָמפּ. און איז [illegible] 30,000 דאָלאַר.

דעטראָיט האָט שוין קיין גאַז אויך ניט

אין פאַרבינדונג מיט דעם איצטיגען קויהלען־מאַנגעל, וואָס הערשט אין דע־טראָיט און אין גאַנץ מישיגאַן סטייט, ווערט שוין יעצט „געבוסט" א גאַז־מאַנ־געל און אייסנעהן וועט עס, וואַרשיינליך, צו די קבצנ'ישע קעשענעס.

דער דאָזיגער שפּאָגעל־נייער מאַנגעל איז באַקאַנט געוואָרען דינסטאָג, ווען די סעמענט סאָלוועי קאָמפּ. האָט באַריכטעט צו דער באָאַרד אָוו קאָמערס, אַז זיי האָ־בען ניט געקענט קויהלען אָנצוגעהן מיט דער פּראָדוקציע פון גאַז, און אין פאַל דער קויהלען מאַנגעל זאָל אָנהאַלטען, וועלען זיי זיין געצוואונגען אָפּצושטעלען דעם גאַז־סופּלאַי.

קויהלען סטאַקס וואָס זיינען לכתחילה באַשטימט געוואָרען פאַר דעטראָיט, ווע־רען נאָך אַלץ איבערגעשיקט אין אַנדערע סטייטס. מען דענקט אַז דאָס ווערט גע־

אין מאָרגענדיגען נומער „וועג"

גראָסען צו דעטראָיט'ער

דער סקהל באָס אַרעסטירט אַלס רויבער

אין געווען א מלאך המות פון פרויען

איין סטאָר אין דעטראָיט פאַר פּסח'דיגע וויין

Public Library 42nd and 5th Ave.

דער באוואוסטער חזן
ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע
עופרידענהייט.
57 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ-
דען, גוטע ווייזשעס קוואליפיקיישאן
גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג
7:30 אבענד.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל
אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווי
קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס
קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס
רעדזשיסטערס, נייע און געוויזע
פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד-
לונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער הענגינג
דעקארייטאר און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און בילינ.
שבת און יום טוב געשלאסען.

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ-
טער זענען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלמסט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע
מאכט נאר פון ריינער האוואנא.
פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט
קיין חרטה ניט האבען. פאדערט די
ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון
אונזער גרויסען סטאק. מיר
קויפען פאר קעש און פאר-
קויפען אויף לאנגע
טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע
פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

נאר אונזער לעדערבארג האט צו דיא אלע שווערע ארבייטען ניט געטויגט, האטש ער האט געהאט געזונדע פלייצעס מי הענד ער האט זיך נאר קיין מאל ניט פארגעשטעלט אז זיין אויף דער וועלט שטענדיג אנגעגעסען און האבען שטענדיג א פאר גאנצע שטיוועל אל מען דארפען אזוי ביטער מיט דם שוויים הארעווען, זיך און בערג איבערטראגען.

פון די אלע ארבייטען האט מען איהם פאר זיין פוילקייט ארויסגעטריבען און ער האט ווייטער געפונע זיין היים דיא פרייע לאנגע אדעסער גאסען נאר עפעס דורך א באזונדר גליק האט ער באלד געקימען א נייע באשעפטיגונג — ער האט אנגעהויבען ארומטראגען אין א קעסטעל שוהואקס, שוועבעלאך קנעפלעך און נאך אזויגע מינים סחורות וואס דיא גאנצע סחורה צוזאמען האט אנגעטראפען ניט מעהר פון 90 קאפיקעס.

אט א דאנק זיין קעסטעל סחורה האט ער געהאט שטענדיג דעם צופאל אויסצוזיין יעדען טאג אומעטום אין אלע רעסטאראנען גאסטיניצעס טראקירן, ווייןקעלערס שענקען א. ז. וו.

מען פליהט אזוי איבער ארעם דעם גאנצען טאג: די ארבייט איז איהם זעהר געפעלען: צען טאג אומעטום מעג מען אריינגעהן אין דערנאך ווערט 15 קאפ. פארדינסט. טאקע ווייטער א דאנק זיין קעסטעל וואס דורך דעם האט ער באקומען א סך באקאנטע, האט ער באקומען א שטעלע אין א גאסטיניצע.

דא אויף דער נייער שטעלע האט ער געפיהלט ווי ער איז געקומען צו דעם גרעסטען צוועק פון זיין לעבען, א קליינגקייט! — עסען איז דא שטענדיג גענוג א פאר שטיוועל מיט א סערדעט האט מען איהם אויך געמאכט און וואס קען נאך זיין בעסער גליק אז צו דעם אלעמען נעהמט ער נאך 15 רובעל א יאהר?

שפרינגען, דערלאנגען באדינען דיא אורחים האט ביי איהם ניט געהייסען קיין ארבייט דאס האט געהייסען ביי איהם געלעבט אין ןאדעס. ער האט זיין זאך גע-טאן מיט פליים דארום האט ער אלעמאל באקומען א גרעסערע שטעלע אין גאסטיניצע. די אורחים פלעגען איהם לאזען אט-יעזגעס. בקיצור ער איז געווארען דער גלאוונע מאכער אין גאסטיניצע. זיך אנגעקויבען אנהאן ווי א פראנט מיט 2 זילבערנע זייגערס אויף צוויי געגילטע הייטלאך צעוארפען איבער דעם זשילעט אז די גאנצע וועלט אל עהן. אלע טאג יך געשמיקט דעם קאפ מיט פאמאדע. אויף א פינגער אין דער רעכטער האנד ארויפגעצויגען דריי פינגערלאך און גאנץ גיך געווארען דער ערשטער קאוליער ביי אלע דיענסטמוידען — א גרויסער קאנ-קירענט פאר אל אנדערע זייערע קאוואליערען.

נאך ווען ער איז געווען א מאלטשיק א לויפ-אינגעל אין דער גאסטיניצע און מעהר ניט געוואסט ווי אויפשטעלע; דיא סאמאווארען האט ער שוין געהאט באזונדערע פעהיגקייט אין זיין מלאכה. ווען א דורכרייזענדער איז געפעלען די דיענסט צו די בופעטשיצע פון דר גאסטיניצע און זיך אנגעהויבען דערפרעגען ווענען איהר ביי לעדערבארגן, האט ר באלד פאריטשאנען דאס מען דארף טאן און באוויזען דער צו באזונדערע פעהיגקייטען; וואס מעהר ער איז גרעסער געווארען אויף זיין שטע-לע איז ער העם געוויסען סארט אורחים מהר צוניץ געקומען נאך א סך יאהרען דיענען אין דער גאסטיניצע אי ער מעהר קלאהר געווארען אין דיא געשעפטן. אלע אויבגלאסנע סיי אפענטליכע סיי פאר-בארגענע, האט לעדערבארג פון זיי אלע געמוזט וויסען איבער א סך האט ער גע-

(פארטזעצונג פאלגט)

INJECTION BROU
דיא נאנישע בעהאנדלונג
דירעקט — שנעל — עפעקטיו
פון די הארטנעקיגסטע פעלע
פערקויפט ביי אלע דראגיסטס

ווילט איהר
סיווען
30 פראצ.?
ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוו-
זאנס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— ראן קומט צו די —
Standard Furniture
and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס
וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

דזשועלערי סייל
אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און
גאלד געפילטע
זייגערס
מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.
רינגען
גאלדענע בראוטשעס מיט אמתע קעמיאס ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף
אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע
קדושין רינגלאך
גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען
The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעווייטער.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער
ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר
ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר
ווידער ניי מאכען.
פריימס, באדעס, עקסעלס, פענ-
דערס ווערען אויסגעגלייכט.
געוועלדעט, געמאכט ווי נייע
און גיינגעמעלד.
רעדאייטארס פעריכט און אבערגעבילד,
און עקסטשעדזשעס
Michigan Radiator & Fender
Repair Co.
723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 776

אונגארישער כשר רעסטאראנט
בעסטע אונגארישע מאכלים;
זשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef Tongues etc.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
זשיי לעפקאווסקי און סאמס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר
אלערליי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

צוויי מאל איז שטארקער

ס'איז שוין אפיציעל באשטעטיגט גע-ווארען, אז אדמיראל קאלטשאק איז ער-מארדעט געווארען.

ארימער מענש! ווענינ פאר איהם, וואס מ'האט איהם אונאפיציעל דער'הרג'עט, האט מען איהם נאך איצט אפיציעל אויך דער'הרג'עט!

ס'איז שרעקליך!

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס
פורנישינג, העטס, יאנג מענס
און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע
סיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין. פראפ.

פארלאנגט אנצונעמען סוב-
סקרייבער פאר'ן „וועג". ליבע-
ראלע קאמישאנס געצאלט.
קענען מאכען 100 דאלאר א
וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג".

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס
פורנישינגס, נאושנס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 3595 ראבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט איש און גאר-
בעדזש, סעמענט רעספעטיקעלס, וויל
פון 1-טען מארטש ווערט די פרייז געהע-
כערט
ווארט ניט ביז די באארד און
העלט וועט איך באדערען.

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דייאמאנדס און אלערליי דזשועלערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

לענדלארדס אויפמערקזאם!
מיר פארלאנגען הייזער צו פארקויפען
רענטען אדער ליסען. מיר שטעלען
צופרידען. רופט טשערי 8054, 481
ענטוויין סטריט.
הערריס און לואיס
ריעל עסטייט עקסטשיינדש

פארלאנגט א מיידעל אדער פרוי פאר
הויז ארבייט. גוט געצאהלט צו דער
ריכטיגער פערזאן. 127 לעדיארד סט.
טעל. גלענדייל 1304 (11

איין אנפאנגער פידעל צו פארקויפען
זעהר ביליג. ביי ב. וואלדמאן, 856
הייסטינגס. קאר. גארפיעלד (11

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד
של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער
מענש וועט קריגען גוט באצאלט, זיך
ווענדען צום סעקרעטער מר.
אבצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנ-
צע וואך.

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר-
בייטער אינסטיטוט
204 — הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי-
טערארישע אווענטען קאנצער-
טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

פארלאנגט סיעם פרעסערס פאר
פענטס, גוטע ווייזשעס, סטעדי אר-
בייט.
ווין בראדערס עט קא.
124-126 דזשעפערסאן עוועניו
ביטווין גרוזוואלד און שעלבי

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763.
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט
די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ-שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבלס.
נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O. D.
אין 204 קלינגס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך'ס דזשועלערי סטאר.

ווארע ביליג פאר סטאר-קי-פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קורטענס, פענסי דרייגודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

האט איר ריעל עסטייט
צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפע
פאר דער העכסטער פרייז דורך
די „צו פארקויפען" אדס פון „וועג"

Phone Main 3715

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

JUDGE GAINEY
HAVANA
CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

MAR 16 1920
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג
The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 79 authorozed by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.''

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Thursday, March 11th 1920 Vol. 2, No 25 — דאנערשטאג מארטש 11, 1920

דעטראיטער ארעסטירטע ראדיקא־לען ערקלעהרען הונגער סטרייק

איבער 200 פארדעכטיגע "רויטע", וועלכע ווערען געהאלטען אין פארט וועין מיט דעם צוועק צו דעפארטירען זיי קיין רוסלאנד, האבען לעצטען מאנטאג אוונט ערקלעהרט א הונגער־סטרייק. אלס פראטעסט, וואס די פעדעראלע אויטאריטעטען האבען זיך אנטזאגט צו צולאזען א גרויסע צאהל געסט, וועלכע זיינען געקומען זיי באזוכען.

ניט נאר האבען די ארעסטירטע זיך אנטזאגט צו עסען, נאר האבען זיך אויך אנטזאגט צו ארבייטען. זיי ווילען אפילו ניט אנווארימען די "באילערס" וואס גיט היץ אין זייערע קאמערען.

הויפט אימיגריישאן אפיסער, פ. ל. פרענטיס, האט נעכטען ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג, אז עס וועט ניט געמאכט ווערען קיין פארזוך צו ברעכען זייער הונגער און קעלט־סטרייק. ער וועט זיי — זאגט ער — ערלויבען צו הונגערען און פריהרען וויפיעל נאר זיי ווילען.

די אורזאך, וואריום עס זיינען צו דיא ארעסטירטע סאציאליסטען ניט צוגעלאזען געווארען קיין געסט איז דאס, וואס די אימיגראציאנס בעאמטע גלויבען, אז די פינף ארעסטירטע, וועלכע האבען זיך געראטעוועט פון געפאנגענשאפט, האבען ווארשיינליך צו פארדאנקען די אפטע געסט, וואס פלעגען צו זיי קומען. די בעאמטע האבען שטארק מורא, אז די צאהל פון אנטלאפענע וועט זיך פיעל פארגרעסערען, אין פאל מ'זאל אומגעשטערט צולאזען געסט צו די ארעסטירטע.

דינסטאג און נעכטען א גאנצען טאג האבען די ארעסטירטע ראדיקאלען זיך ניט צוגעריהרט צו קיין שפייז. ווי לאנג זיי וועלען עס קענען אנהאלטען בלייבט צו זעהן.

9 סטרייקער זיינען דינסטאג אריבערגעשיקט געווארען אין פאנטיאק דזשייל. און אין פאל דער סטרייק זאל פארטגעזעצט ווערען, וועט מען די קאמפאניע צו טיילען אין עטליכע גרופען און זיי איבערשיקען אין באזונדערע פלעצער. דערמיט ווילען עס די אימיגראציאנס בעאמטע ברעכען די איינינקייט פון די סטרייקער.

אויף א מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אוונט פון דער "אמעריקענס וויםענס קאמיטע", איז איינשטימיג אנגענומען געווארען די רעזאלוציע, וואס איז ניט לאנג צוריק אנגענומען געווארען פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר קאנפערענץ אין שיקאגא, וועלכע פאדערט אויף די אימיגראציאנס־בעאמטע ענטוועדער צו דעפארטירען די ארעסטירטע ראדיקאלען אויף א מענשליכען אופן, אדער מען זאל זיי אין גאנצען באפרייען.

מיס העלען טאר, וועלכע האט געמאכט דעם פארשלאג צו אינדארסירען די רעזאלוציע, און וועלכע איז אויך אנוועזענד געווען אויף יענער קאנפערענץ אין שיקאגא, וואו די רעזאלוציע איז פארפאסט געווארען, האט ערקלעהרט, אז ארעסטירטע ראדיקאלען, וועלכע ווערען געהאלטען צום דעפארטירען, זיינען באהאנדעלט געווארען ברוטאל און אומפארזיכטיג פון רעגירונגס־בעאמטע.

עס איז אויף דיזען מיטינג אויך באשלאסען געווארען צו שיקען ווענינגסטענס איין פארטרעטערין צום מאסמיטינג אין וואשינגטאן, וואס וועט אין גיכען אפגעהאלטען ווערען אום צו פראטעסטירען געגען די אומענשליכע מעשים פון רעגירונגס בעאמטע בנוגע די גע'רודפ'טע ראדיקאלען.

אין דעטראיטער קאורטס

האט זיך אויסגעלערנט שפיעלען "פאוקער" אין דעטראיט

„איך האב קיין מאל ניט געוואוסט ווי מ'שפיעלט א „פאוקער" ביז איך בין געקומען אין דעטראיט".

אט אזוי האט געזאגט וויליאם לואיס אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ פאר דזשאדזש קאטער אין פאליס־קאורט נומ. 2, ווען ער איז געמשפט געווארען אויף דער קלאגע פון האלטען א „געמבלינג" הויז.

„הער זשע אויס לואי — האט דער ריכטער געזאגט — פון היינט אן און ווייטער זאלסטו זעהן אויסזוכען עפעס שטערענט אין די לבנה האט געשיינט, און ניטער תלמיד. דו ביסט באפרייט, ווייל דו ביסט צום ערשטען מאל אין קאורט, אבער זיי וויסען אז א צווייטער „פאוקער" וועט דיר האסטען טייער".

געמאנדעל וואס האט זיך „איבערגעארבייט" שלאגענדיג זיין פרוי, קריגט „וואקיישאן"

— יא, ס'איז אמת, איך האב איהם שיעור די צייהן אויסגעהאקט אזא פלעם האב איך איהם דערלאנגט, אבער ווען איך טו דאס ניט האלט ער אויסגעריסען אלע האר פון זיין פרוי'ס קאפ. אט דער „ברוט".

אט אזוי האט אויפ'ן וויטנעס־סטענד פון דזשאדזש קאטער'ס קאורט זיך צוטענה'ט אן עדות, וועלכער איז אויפגעטראטען געגען באלאדי שטענדעצי מיט א קלאגע, אז ער האט שיעור גע"ממת'ט זיין פלוני'טע.

— זעהר גוט האסטו געטאן — האט דער ריכטער געזאגט צום עדות, — איך אליין וואלט איהם מיט א דובינע דערלאנגט, ווען איך זעה אזא זאך. איך האב איהם געראפט געבען 30 טעג. אבער איך דענק אז ער האט זיך שוין אויסגעארבייט און ער דארף א לענגערע וואקיישאן. וועט ער דארום געהן אין פרייזאן פאר דריי מאנאטען צייט, און אין פאל ער וועט א מאל אהער צוריקקומען, זאל ער וויסען, אז עס שמעקט מיט 90 טעג"...

—::—::—

ער האט צוויי ווייבער, ביידע הייסען וויאלעט, אייגער היל ער אפגע'עג'ט

הערט א מעשה.

— ווען וואלטער מאריס איז אלט געווען 20 יאהר, איז ער געווען א מאטראז אויף דער שיף „בושנעל". איז ער זיך איין מאל אזוי געזעסען אויפ'ן רעק פון שיף מיט נאך א מאטראז. ס'איז געווען א שעהנע נאכט, א שטילע, א רוהיגע. דער הימעל איז געווען אויסגעשטערנט, אויב דו ביסט שוין יא אזא יונגער הערצער האבען גבענקט נאך ליעבע.

אין זיין פריינד האט איהם פארטרויעט, אז ער קען א מיידעל, אין לאנדאן, ענגלאנד, א רעגעלע וועניס. און האט איהם געגעבען איהר אדרעס.

ווען די שיף איז אנגעקומען קיין לאנדאן האט זיך וואלטער אויסגעפוצט, אוועק צו'ם מיידעל און ס'האט גענומען אין גאנצען א פאר שטונדען און ס'פארעל האט זיך אזוי פארליעבט, אז זיי האבען געפונען פאר נויטיג שוין שטעלען א חופה. דאס האט פאסירט דעם 30־טען דעצעמבער 1918.

אין אזוי ווי די שיף האט ניט געוואלט ווארטען ביז דער האנימון וועט זיך ענדיגען, האט זי אויפ'ן צווייטען טאג נאך דעם ווי ס'פארעל האט זיך געזעגענט פארקניפט מודיע געווען וואלטער'ן, אז ס'איז צייט צו זאגען „גוד באי סוויטהארט".

לעצטען יאהר איז וויאלעט געקומען קיין דעטראיט, ס'געמאנדעל האט איהר פיין אויפגענומען און אפגעלעבט צוזאמען א מאנאט ווי צוויי טויבעלעך.

אויפ'ן צווייטען מאנאט האט וויאלעט אנגעפאנגען רויכערען סיגארעטלעך און אויסגעהן מיט אנדערע מענער. איז וואלטער ברוגז געווארען, האט זיך ווידער אמאל ענליסטעט אין דער נייווי און דורכפאהרענדיג ענגלאנד, האט ער געהייראט מיט א צווייטער מיידעל וואס האט געהייסען וויאלעט און געקומען מיט איהר קיין דעטראיט.

איצט, איז וואלטער בוזי מיט צוויי טרייעלס אין צוויי באזונדערע קאורטס. אין איין קאורט שטעהט ער אונטער א קלאגע פון ביגאמיע, און אין א צווייטען — ווייל ער ניט אנערקענט נאך ארויסקריגען א גט פאר זיין וויאלעט נומ. 2.

ענגלאנד שיקט קיין איירלאנד סאלדאטען און שווערע ארטילעריע

דובלין, מארטש 10 — שטארקע באאויפ'ן וועג קיין איירלאנד. פיעל צוגען, וועגונגען פון ענגלישע סאלדאטען זענען וואס פיהרען סאלדאטען, פעלדקאנאנען און שווערע ארטילעריע זענען דא אנגעקומען אין פארלויף פון די לעצטע 24 שטונדען. די טרופען ווערען צושיקט אין פארשיידענע טיילען פון'ם לאנד.

לויט א באריכט פון דעם „פרימען'ס זשורנאל", זענען אין דובלין דינסטאג אוונט אנגעקומען צוויי שיפען מיט פיעל סאלדאטען, קאוואלעריע, און אינפאנטעריע.

ס'ווערט האלב אפיציעל איבערגעגעבען, דאס די מיליטערישע פארשטעהער נעהמען אן פארזיכטיגונגס־מיטלען געגען אן אויפשטאנד פון די שין־פיינער „איסטער"־צייט, ווען ס'וועט זיין דער 4־טער יאהרצייט פון דער דובלין רעוואלוציע.

פיהרער פון די שין־פיינער גלויבען, דאס די מיליטערישע באאמטע ווילען מאכען גרויסע אבלאווע אין די קומענדע פאר טעג און ארעסטירען די וועלכע האבען גענומען אן אנטייל אין דעם אויפשטאנד פון יאהר 1916. די אלע, ווערט געזאגט, זענען אנגעוויזען צו ארעסטירט ווערען.

6 מענשען פארוואונדעט אין אן אויפרייס אויף 406 גודווין סט.

6 מענשען זענען שווער פארוואונדעט געווארען אין'ם פלענט פון דער דיימאנד פאוער ספעציעלטי קא. 406 גודווין עוו. ווען 2 האידראולישע טאנקס האבען עקספלאדירט. די קראפט פון דעם אויפרייס איז געווען אזוי גרויס, דאס א טייל פון דעם הייצקעסעל איז ארויסגעבלאזט געווארען אויף 150 פוס אין דער הויך. אלע פענסטער זענען אויסגעבראכען געווארען, און א גאנצער דעפארטמענט פון דעם פלענט איז צעשטערט געווארען.

שטיקער מעטאל זענען געפלויגען אין אלע ריכטונגען. דער טייל פון'ם קעסעל, וואס איז ארויסגעווארפען אין דער הויך, איז דערנאך געפונען געווארען אויף א הויף, א האלבען בלאק פון דעם פלענט.

צוויי מענשען זענען מיט אייזנע וואכען צוריק אין דעם זעלבען פלענט געהרג'עט געווארען פון אן ענליכען אויפרייס.

דער פאליציי־דעפארטמענט האט ערקלעהרט, דאס ער וועט זיך מישב זיין מיט'ן שטאט אינזשינער כדי איבערצופיהרען דעם פלענט אין א טייל שטאט, וואו די ארומיגע שכנים זאלען ניט זיין אין קיין סכנה.

פאלגענדע קרובים געזוכט אין דעטראיט

שייע עטע פעלמאן מיט די קינדער שרה, שמואל און מיכל פריהער פון זשאגערישן, קאוונער גובערניע, יעצט סמירלאוויטש, מינסקער גובערניע זוכט זוהן און ברודער זאב וואלף פעלמאן.

אלטע בענעסאן און, זיין פרוי אידע, באריסאוו, מינסקער גובערניע זוכען אנקעל און טאנטע יהושע נטע בענעסאן און זיין פרוי חיה שרה מיט זייער פאמיליע.

גרוסען צו דעטראיט'ער

שואל ושולסקי מיט זיין פרוי שרה חנה, און טאכטער רחל (פריהער אין איוואנעץ יעצט אין מינסק) גריסען זייערע זוהן און ברידער יעקב אליהו און אברהם שולסקי (שולין) און טעכטער ליבע פייגע שווארץ און גוטקע פיין מיט זייערע פאמיליעס, וואוינען אין דעטראיט אין 379 סט. ענטווין סטריט (דזשיי שולין). די אלטע עלטערן נויטיגען זיך אין שטיצע. נאכ'ן אדרעס ווענדט זיך אין רעדאקציע פון „וועג".

רפאל און רייזעל בורשטיין (שטיין) ווערען געגריסט פון ליב, רעלע און מרדכי בערשטיין פון רעוויד. אלע זיינען געזונד און ערווארטען בריעף און שטיצע. מר. שטיין פון 219 ווילקינס — דעטראיט.

פריידע רחל טריבוך מיט די קינדער פון לונינעץ, מינסקער גובערניע גריסט איהר מאן נ. טריבוך פון 110 אלפרעד סט. און בעט איהם שיקען געלד.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

וועגען דער פאסירונג, וועגען וועלכער עס שרייבט מארגען הרואה ואינו נראה אין זיין „דעטראיט'ער שפיגעל" האט מען אין דעטראיט א סך גערעדט. פיעל מענשען וויסען די געשיכטע. די אבער וואס וויסען פון איהר נישט, וועלען הנאה האבען לייענדיג ווי אזוי א גוט מיידעל האט אפגענארט איהר שלעכטען, בייזען פאטער.

ווער עס ווייסט אויף מי יחיה און אין זיין מארגענדיגען „לאמיר זיך דורכריידען" וויינט ר' ברוך'ל אויף מי ימות. דערביי דערצעהלט ער ווי אזוי דעטראיט'ער אנדערטייקערס שינדען די הויט פון טויט און פון לעבעדיגע.

אין די נעקסטע עטליכע חדשים וועט דער יקרות נאך העכער שטייגען — וועגען דער אורזאכע פון דעם, שרייבט מארגען ב. י. פאלדשטיין אין זיין עדיטאריעל.

ווייסט איהר וועלכע ביכער צו לייענען, ווי אזוי צו לייענען? — וועגען דעם שרייבט פ. י. ג—ן אן אינטערעסאנטען ארטיקעל אין מארגענדיגען „וועג".

„פון דער דעטראיטער ענגלישער פרעסע" — אין דעם ארטיקעל מאכט איינער מיטארבייטער קאמענטארען אויף איינינגע עדיטאריעלס פון די היגע ענגלישע צייטונגען. איבערהויפט איז דיזער ארטיקעל אינטערעסאנט פאר די וואס אינטערעסירען זיך מיט דער שטעלונג פון די עליינס צו די באלשעוויקעס און מיט אנדערע פאליטישע פראגען.

ווי אזוי א יונגערמאן איז אמאל איינגעפאלען צו „טריטען" זיין ווייבעל. א שעהנע קורצע ערצעהלונג פון דער אידישער בעלעטריסטין און ראמאניסטען מרים קארפילאוו.

אויף דעטראיטער גאסען

טעטיגקייט פון „האלד אפניקעס", קעשענע גנבים און באנדיטען הערט ניט אויף

אין פארלויף פון דינסטאג'דיגער נאכט האבען קעשענע גנבים, האלד אפניקעס און באנדיטען בארויבט איינינגע דעטראיטער בירגער אויף איבער 600$.

דינסטאג אוונט זיינען א פאר באנדיטען אריין אין גראסערי סטאר פון 446 גרענד ריווער עוו., געמאכט א „האלד אפ" אויף דעם אייגענטימער, לואיס זילאף און זיין פרוי און בארויבט 410$. וואס מר. זילאף האט געהאט אין קעשענע און אויסגעליידיגט דעם קעש רעדזשיסטער, וואו עס האט זיך געפונען 40 דאל.

דינסטאג שפעט ביינאכט האבען גנבים אויפגעבראכען די פענסטער פון א שניידער שאפ אין 1716 גרעשיאט עוו. און געמאכט א פארזוך צו בארויבען די ווארעם וואס זיינען געלעגען אין שאו פענסטער. אבער גליקליכערווייזע, האט דער אייגענטהימער פון שאפ, מר. דזשאן קווינקער, וועלכער וואוינט מיט א שטאק העכער פון שאפ, דערהערט דאס ברעכען פון די שויבען און ווען ער איז אראבגעלאפען די טרעפ, האט ער געטראפען דיא באנדיטען אין מיטען דער ארבעט. ווען די חברה האבען דערזעהן קווינקער'ן אנקומען זיינען זיי אנטלאפען מיט א גלייכסען „ראל" וואר, וועלכען זיי האבען דערנאך איבערגעלאזען אין א שכנישען יארד.

דער ראל וואר, וואס איז איצטער צוריק ביים אייגענטימער איז ווערט 100$.

גוסטאוו מאועסס, א נאכטוועכטער ביי די פיינער טאוער און ראבער קאמפאניע 758 וואודווארד עוו. האט באריכטעט צו דער פאליציי, אז באנדיטען זיינען איהם באפאלען, דערלאנגט מיט א שווערער זאך איבער'ן קאפ און גערויבט 20 דאלאר וואס ער האט געהאט ביי זיך אין קעשענע.

ארום 12 אזייגער דינסטאג ביינאכט, האבען דריי באנדיטען אפגעשטעלט עני ביקאי פון 300 רעלמאר עוו. גענומען איהר הויז, און נאכדעם ווי זיי האבען איהר מערדעריליך געשלאגען, האבען זיי ביי איהר צוגענומען א פוירס מיט 25$.

אייגענטימער קריגט צוריק אויטאמאביל; גנבים ארעסטירט

דזשאהן טורנער פון 397 שערמאן סט. האט צוריקגעקראגען זיין אויטאמאביל, וועלכער איז דעם 22טען פעברואר פון איהם אוועקגעלקח'ענט געווארען.

טורנער, האט פאהרענדיג אויף א גרענד ריווער־סטריט קאר באמערקט דעם אויטאמאביל שטעהענדיג אין פראנט פון א „ריפעיר שאפ". ער איז באלד אראפ פון קאר, גערופען די פאליציי און צוגענומען די קאר.

קלארענס רעוואלאט פון 3623 וואנרא עוו. און פ. ווילסאן פון ריווער רוי זיינען ארעסטירט געווארען אין פארבינדונג מיט דער גנבה פון טורנער'ס אויטאמאביל.

—::—::—

האי סקוהל באים ארעסטירט אלס רויבער

פאליסמאן וויליאם האגאן איז דינסטאג בייטאג אריין אין א קלאס־רום פון מינאס האי סקוהל און ערקלעהרט אז ער ארעסטירט די צוויי שילער עלמער שמידט און יודזשין גילבערט, אויף דער קלאגע פון רויבערי.

די פאליציי האט דערנאך ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג, אז עלמער שמידט האט זיך מודה געווען אין מאכען פיער „האלד אפס".

קראנקע פרוי געראטעוועט פון פייער 3 מענער שפרינגען פון 2טען פלאר

דינסטאג, נאך 12 אזייגער ביינאכט האט אויסגעבראכען א שרעקליכער פייער אין דער צוויי־שטאקיגע הויז פון 264־266 בוביען סט. 12 פערזאן האבען אין דיא נאכט־קליידער זיך ארויסגעראטעוועט אין גאס. דריי האבען געשפרונגען פון 2טען פלאר און איינע א מרס. דזשאזעף יאנג, וועלכע איז קראנק אויף אינפלוענציא, איז ארויסגעראטעוועט געווארען דורך די אנשטרענגונגען פון איהר מאן, וועלכער פארוואלטעט יענע רומינג הויז. די קראנקע פרוי האט בלויז געטראגען איהרע נאכט קליידער.

דער פייער, וועלכער האט זיך אנגעפאנגען פון אן איבערגעבראנטער סטאוו־פייפ, האט זיך גלייך פארשפרייט איבער'ן גאנצען בילדינג און ווען די לעצטע דריי מענער האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף, איז שוין דאס גאנצע הויז געווען איינגעוויקעלט אין פלאמען און זיי האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי שפרינגען פון 2טען פלאר.

די מענער וואס האבען ארונטערגעשפרונגען זיינען: טאבערט יאנג, 26 יאהר אלט; וויליאם דזשאנס, 35 יאהר אלט און ראי גיינס, 19 יאהר אלט. דער לעצטער האט זיך שטארק צושניטען זיין רעכטען ארם, ווען ער האט אויסגעבראכען דאס פענסטער פון זיין בעדרום, איידער ער איז אראפגעשפרונגען. ער איז א האלב־נאקעטער צוגענומען געווארען אין רעסיווינג האספיטאל.

דער בילדינג איז דאס אייגענטום פון דער מערידי[illegible] ריעלטי קאמפ. און [illegible] 30,000 דאלאר.

Public Library 42nd and 5th Ave

דעטראיט האט שוין קיין געז אויך ניט

אין פארבינדונג מיט דעם אילטיגען קויהלען־מאנגעל, וואס הערשט אין דעטראיט און אין גאנץ מישיגאן סטייט, ווערט שוין יעצט „געבוכט" א געזמאנגעל און אויסגעהן. וועט עס, ווארשיינליך, צו די קבצן'ישע קעשענעס.

דער דאזיגער שפאנגעל־נייער מאנגעל איז באקאנט געווארען דינסטאג, ווען די עמענט סאלוועי קאמפ. האט באריכטעט צו דער באארד אוו קאמערס, אז זיי האבען ניט גענוג קויהלען אנצוגעהן מיט דער פראדוצירונג פון געז, און אין פאל דער קויהלען מאנגעל זאל אנהאלטען, וועלען זיי זיין געצוואונגען אפצושטעלען דעם געזסופליי.

קויהלען סטאקס וואס זיינען לכתחילה באשטימט געווארען פאר דעטראיט, ווערען נאך אלין איבערגעשיקט אין אנדערע סטייטס. מען דענקט אז דאס ווערט געטאן אויף דער פאראָרדנונג פון ה. מ. וואָרטשעסטער, דער טשערמאן פון דער רידזשיאנעל קאאל קאמיטע פון סינסינעטי, אהייא.

מאנופעקטשורערס און סוחרים, באקלאגען זיך, אז די רעגירונגס קאנטראל איבער דער קויהלען פארנאנדערטיילונג איבערטרעט די יעהרליכע קויהלען קאנטראקטען לויט וועלכע יעדער סטייט איז בארעכטיגט צו גענוג קויהלען אין פינקטליכע „דעליווערי".

איז געווען א מלאך המות פון פרויען

עדוויל, ק. מארטש 8. — ויל לאקערט, וועלכער איז דא געפונען געווארען שולדיג אין ערמארדען א יונג מיידעל פון 10 יאהר מיט'ן נאמען דזשענעוויוו הארטמאן, האט זיך היינט מודה געווען, אז ער האט פארגעוועלטיגט און ערמארדעט צוויי ווייסע פרויען און א ניגערטע.

דער פאראורטיילטער מערדער האט זיך אויך מודה געווען, אז זיין אמת'ער נאמען איז ניט לאקערט נאר פעטרי קימברו.

די הינריכטונג פון דיזען מערדער וועט פארקומען דאנערשטאג דעם 11טען מערץ (היינט).

איין סטאר אין דעטראיט פאר פסח'דיגע ווין

די רעגירונג האט ארויסגעגעבען אן ערלויבניש צו דעטראיט'ער רבנים, צו לאזען עפענען איין ווין סטאר אין דעטראיט וואו יעדער איד וועט זיין בערעכטיגט צו 10 גאלאן ווין א יאהר.

צוזאמען מיט דער ערלויבניש האבען די אויטאריטעטען געשטעלט א באדינגונג, אז מעהר ווי איין ווין סטאר טאר [illegible] ניט עקזיסטירען.

די סטאר, וואו אידען וועלען קענען יעצט זיין ווין אויף פסח, מיט א הכשר פון אלע רבנים, איז אין 407 הייסטינגס סטריט, צווישען האי און נאפאלעאן סטריטס.

דער אייציגער ווין, וואס די סטאר פארקויפט יעצט איז פון קאליפארניער [illegible]ייפס, אבער די קאמפאניע ערווארטעט זיך אין גיכען צו האבען כרמל־ווין, [illegible]ער לפסח.

[illegible] אינזערע לעזער איז שוין באוואוסט האבען די היגע רבנים זיך א לאנגע צייט משתדל געווען, אז אידען זאלען מעגען באנוצען ווין פאר ריטועלע צוועקען, און דאס איז דער רעזולטאט פון זייער ארבייט.

עס דארף אבער פארשטאנען ווערען, אז קיין איד וועט ניט קריגען קיין ווין אהן א צושריפט פון איינעם פון די היגע רבנים. יעדער איינער וואס וויל איינקויפען ווין אויף פסח, וועט דארפען זיך פריהער ווענדען נאך א מין „פרעסקריפשאן" פון א היגען רב.

מעהר איינצעלהייטען בנוגע דאס איינקויפען ווין אויף פסח, אדער פאר אנדערע ריטועלע צוועקען — קען מען אויסגעפינען אין דער איבענדערמאהנטער סטאר.

די דעטראיט יונייטעד ריילוועי

שלאגט פאר דיעזע אויסברייטערונג און פארבעססערונג



די דיקע ליינס אויף דיעזער מאפע בייצען אייך א געלעגענהייט צו שטודירען די סטריט ריילוועי טרעקס, וואס ווערען יעצט געבויעט און אפערירט. די ליינס, מיט די געפּונקטעטע צירקלען זיינען די יעניגע, וועלכע די דעטראיט יונייטעד ריילוועי איז באפּאלמעכטיגט געווארען צו בויען פון דער מוניציפּאלער אדרער אנדער אויטאריטעט.

די געפּונקטעלטע סקווערס באצייכנען די איבעריגע עקסטענשאנס וועלכע דיא דעטראיט יונייטעד ריילוועי גלויבט, אז זיי זיינען נויטיג אום צו באגעגנען דיא נויטען פון דער שטאט.

דיעזע פארגעשלאגענע עקסטענשאנס זיינען באזירט ניט נאר אויף דער ערפאהרונג פון טראנספּארטיישאן לייטע און אינזשעניערען פון דער קאמפּאניע, נאר נעהמט אין זיך אויך אריין דיא פּלענער וואס זיינען פארגעשלאגען געווארען פון שטאדט בעאמטע און רעילוועי קאמישיאנערס אום צו ערדייכען די ענטוויקלונג פון דער שטאדט אלס גאנצער. זיי זיינען אונטערוואָרפען צו אזעלכע אלטעריישאנס אדער ענדערונגען, וועלכע דער געמיינשאפטליכער קאונסיל וועט רעקאמענדירען.

די דעטראיט יונייטעד ריילוועי צו בויען דיעזע טרעק אויסברייטערונגען, ארום 130 מייל די לענג און אריינריכטען זיי מיט די נויטיגע קארס, פּאוער, הייזער, יארדס, קאר־הייזער און אנדערע איינריכטונגען, וואס זיינען נויטיג צו מאכען א פאלשטענדיג ארבייטענדען פּלענט און אויפצובויען אטרערע־ליניען וואס דער וואוקס פון דער שטאט וועט מעגליך פאָדערען, און צו אפערירען זיי אלס א פאראייניגטע סיסטעם אונטער איין ראטע, איין „פעיר“ און ליבעראלע טראנספּער־אראנזשמענטס וואס וועט געמאכט ווערען מיט דעם פּובליקום.

די טערמס מוזען און וועלען זיין יושרדיגע צום פאהרער, צום טעקס צאהלער און צום פאלק, פון וועמען דאס געלט ווערט געליהען.

דיעזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט פון דער דעטראיטער יונייטעד ריילוועי

אויפמערקזאם — וואכשט פאר וייטערע סטייטמענטס וואס די קאמפּאניע וועט ארויסגעבען.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דאנערשטאג, 11טען מארטש 1920

די קאאפעראטיווע באוועגונג אין דעטראיט

אין עס וואקסט און וואקסט דער געדאנק, אז די באקעמפער פון הויכען לעבענס מיטעל וועלען נישט ארויסקומען פון ווייסען הויז אין וואשינגטאן און אז אפילו די נייע קאמיסיע צו באקעמפען דעם יקרות וואס האט אנגעהויבען איהר „טעטיגקייט“ אויך אין אונזער שטאט, וועט די גאולה נישט ברענגען.

דער ערשטער אייפטו פון דער היזיגער קאמיסיע איז געווען דער בעסטער באווייז, אז מען קען אויף איהר קיין סך נישט האפען.

און א געדאנק וועקט זיך אין מח: אין אפשר דארפען מיר גאר אליין די באקעמפער קעגען דעם מורא'דיגען יקרות זיין? און אפשר איז עס אין אונזער אייגענער מאכט א קאמף צו דערקלעהרען דעם פראפיטער און דעם הויטשינדער? און אפשר זיינען מיר אליין נאך גענוג קרעפטיג די פראפיטערס צו באזיעגען?

און מען פרובירט.

מען האט אין א סך שטעדט דעם וועג אנגענומען און דעם קאמף ערקלעהרט.

איבעראל געשעהט עס אין די רייהען פון די ארבייטער קלאסען. זיינען זיי דאך די ערשטע געווען, וועלכע מען האט איינגעזעהן נישט אפשרעקען זיך אונטערצונעהמען א קאמף מיט גרויס קאפיטאל.

און האט דעם —

זיינען זיי דאך אלע מאהל מעהר און ביטערער עקספלאטירט געווארען און זיי ווייסען שוין אז אין יעדער מין עקספלאטאציע קענען זיי זיך נישט פארלאזען אויף קיינעם, נאר אויף זייער אייגענער איניציאטיווע.

די ארבייטער האבען אין דער שטיל, אהן גרויס טאראראם און אהן געפילדער א קאמף דערקלעהרט דעם פראפיטער.

נאטירליך נישט אלע פראפיטערס.

און נאטירליך זיינען דאך די פראפיטערס ווי יענע שלאנג, וואס אט האקסט איהר אפ א קאפ און אט וואקסט אויס אן אנדערער, אדער זיבען אנדערע.

אבער זיי ווערען נישט ענטמוטיגט, די ארבייטער מאסען און געהן און מיט זייער קאמף פאמעליך, נישט איילענדיג. האקען זיי אראפ איין קאפ, האקען זיי ארונטער א צווייטען און — ווער קען דען אריינקוקען אין דער צוקונפט און זאגען נביאות צו וואס די קאאפעראטיווע קען דערפיהרען?

דערוויל זיצט מען נישט מיט פארלעגטע הענט.

און דערוויל ווייסען מיר שוין אז אין אונזער דעטראיט זיינען פאראן קאאפעראטיווע לייה געזעלשאפטען. א קאאפעראטיווע פלייש קראם. א קאאפעראטיווע בעקעריי — דאס זיינען אלין קאמפף-אינסטרומענטען אויף צו באזיעגען די פראפיטערס, די יקרות פאראורזאכער.

אין דעטראיט איז קיין בן יחיד נישט אויף דיזען קאנטינענט.

קאאפעראטיוועען אלס באקעמפער פון יקרות און פראפיטערס איז שוין גענוג פאפולער אין דער ארבייטער וועלט.

דא, ביי אונז אין דעטראיט זיינען די קאאפעראטיוועען נישט אזוי רייך ווי אין אנדערע צענטערען.

די פיער בראדערהודס פון די אמעריקאנער אייזענבאהנען האבען יענגער צוריק געגרינדעט א קאאפעראטיווע וואס צעהלט ארום צעהן טויזענד מיטגליעדער. און דאס טעטיגקייט פון דער היזיגער קאאפעראטיווע האט זיך מאקע גוט פיהלען אויף די געלד-בייטלען פון די הויטשינדער און יקרות פאראורזאכער.

ווארים עס דארף זיין א כלל אז אן ארגאניזירטע מאסע איז פעהיג א קאמף אנצופיהרען.

דער ארגאניזירטער ארבייטער זוכט ווירקזאמע מיטלען אין זיין קאמף און די מיטלען וואס די דערמאהנטע ארגאניזירטע אייזענבאהנער האבען געזוכט און מאקע געפונען, איז — זייער פאראייניגונג מיט די פראדוצירער.

די בראדערהודס האבען זיך פאראייניגט מיט די פארמערס און זוכען אויף אזא אופן איגנארירען צו באזייטיגען דעם שפעקולאנט, דעם מיטעלמאן.

נאך פאר דעם לעצטען צוזאמענפאהר אין שיקאגא (דעם 12טען פאריגען חודש) האבען שוין די אייזענבאהנער געצעהלט זייער קאאפעראטיווע געזעלשאפט אין די מיליאנען מיטגליעדער און זייער קאפיטאל — אין 8 מיליאן דאלאר.

א קייט פון קראמען זיינען געעפענט געווארען.

די מיטגליעדער באקומען די ארטיקלען, אין וועלכע זיי נויטיגען זיך, אויף א פרייז, וואס עס קאסט דעם קרעמער.

אלע גרויסע און קליינע פארמיטלער און שפעקולאנטען זיינען באזייטיגט.

עס פארשטעהט זיך אז די פראפיטערס שמעקט דאס גארנישט.

א היגע צייטונג — אייגענטליך נישט נאר א דעטראיט'ער צייטונג, נאר די צייטונגען פון דער גאנצער מיטעל וועסט און אנדערע שטאטען וואו די קאאפעראטיוועען פון די אייזענבאהן יוניאנס זיינען טעטיג, קענען דאס נישט ליידען און זיי פרעגען בתמימות און מיט כלומר'שטדיגען נאאיוועו אנשטעל:

„איז ד א ס די אויפגאבע פון יוניאנס? דארף די יוניאן דען געהן אין באקאליי מסחר? איז עס די אויפגאבע פון די בראדערהודס צו עפענען קראמען און קאנקורירען מיט זייערע חברים, אדער קרובים? ווילען די בראדערהודס אויך דאס קרעמעריי פארכאפען אין זייערע הענט?“

און זיי מאכען זיך כלא ידע, אז דעם אייזענבאהנער קומט עס אפילו נישט אויף'ן געדאנק איינצוזען צו קאנקורירען אדער איינציגנעם מסחר צו פארכאפען. וואס זיי ווילען, איז, פשוט, נישט באריבט צו ווערען.

און אין אמת'ן געהן דאך די אייזענבאהנער נאך ווייטער ווי עפענען קראמען און קויפען ארטיקלען ביי פראדוצירער; זיי וועלען פקרב אליין עפענען פאבריקען. אט האבען זיי שוין א פאבריק פון אווערהאלס, א פאבריק פון העמדשקעס, א פאבריק פון שיך (מאקע אין סטייט מישיגאן), האבען אויך א פאבריק אין טאלידא און ווילען אויך עפענען אנדערע פאבריקען.

ווארים די אייזענבאהנער ווייסען אז די הויכע ווייחושעס האבען זוייער מאטעריעלע לאגע נישט אויסגעבעסערט. דער מיטעלמאן און פראפיטער פרעסען אויף די ווייחושעס; פארלאזען זיך ווידער אויף דער רעגיערונג, איז אויך געווען א תפלת שוא. דאס בעסטע און ווירקזאמע מיטעל זיינען — די קאאפעראטיוועען.

און ווען מיר הערען איצט אז אין דעטראיט וועלען זיך אלע קאאפעראטיוועען פאראייניגען, איז עס באגריסונגס ווערטה. ווארים א פאראייניגטע מאכט קען אויף דיזען פעלד פון קאאפעראטיוועען א סך אויפטאן אין אונזער שטאדט.

וואס מיר-דענקען נאר איז, דאס כפי אונז דאכט זיך, אז די היגע קאאפעראטיוועען ברייטערען נישט אוים זייער טעטיגקייט. זאלען הערום די קאאפעראטיקער, אפילו ווען פאראייניגט, נישט פלייבען אן ענגע ארגאניזאציע. דאס וואלט כלל נישט ראטזאם געווען. עס קען אבער אויך זיין אז זיי טוען דאס פבוין; אפשר איז דאס גאר לטובת דער ארגאניזאציע. און ווען זיי וועלען אויסגעפינען שפעטער אז דאס איז א טעות, וועלען זיי אפשר די ארביים אנדערש אנפיהרען — ווי עס זאל אבער נישט זיין, די קאאפעראטיווע באוועגונג אויף דער דעטראיט'ער אידישער גאס איז ווערט באגריסט צו ווערען.

דאס פוילישע און דאס ליטווישע ליטא

די שטעלונג צו דער אידען-פראגע אין די צוויי ליטא'ס.

(ספעציעלע קארעספאנדענץ צום „וועג“)
פון ש. פאן

ביז איצט האט מען אין דער וועלט געוואוסט נאר פון איין ליטא מיט דער היסטארישער ווילנא אלס הויפט-שטאדט, איז אבער געקומען די מלחמה, אבער בעסער געזאגט, דער שלום און האט דאס אזוי אויך גענוג קליינע ליטא צעשפאלטען אין צוויי. איין טייל האבען די פאליאקען מיט מאכט ערוויבערט און דער צווייטער טייל מיט קאוונא אלס הויפט-שטאדט האט זיך פראקלאמירט אלס זעלבסטשטענדיגע אונאבהענגיגע מלוכה.

פאר אונז אידען איז דאס אריינפאלען אין די הענט ביי די פאליאקען פון ווילנא און דער ארומיגער סביבה, א גרויסער פארלוסט און אפשר נאר א גרויס אונגליק, מיר קענען זיי דאך אזוי גוט די פוילישע הערשער און האבען געהאט א סך ביטערע דערפאהרונגען ווי זיי פיהרען זיך אויף ווען זיי קומען אריין אין אנ'ארט, וואס זיי האבען פארכאפט פון א צווייטען. דאס האבען מיר געזעהן אין גאליציען, אין פרייסען און נאך מעהר אין [illegible]. וואו די אידען זענען ארונטערגעפאלען אונטער דער שטארקסטער רעפרעסיע סיי פון דער מיליטערישער, סיי פון דער ציווילער אדמיניסטראציע, וואס די פאליאקען האבען איינגעארדענט.

די פוילישע הערשאפט אין דעם ערוויבערטען ליטא, דאס איז איין שטיק בלוטיגע געשיכטע פאר אונז אידען מעהר ווי פאר דעם ליטווישען פאלק, וועלכעס איז בארויבט געווארען פון א טייל לאנד נאר דערפאר, וואס זיי זענען די שוואכערע און האבען זיך נישט געקענט גענוג שטעלען דעם שטארקען רויבערישען ווילען פון די פאליאקען.

שוין אפגעזעהן פון די בלוטיגע „אפייציעלע“ פאגראמען, וואס זענען פארגעקומען אין דעם פוילישען ליטא קענען וועלכע די פאליאקען פארטיידיגען זיך מיט דעם שוין גוט באקאנטען אויסרייד „קאמף געגען באלשעוויזם“, הערען אבער די שרעקליכע פארפאלגונגען און רעפרעסיעס קעגען די דארטיגע אידען נאך עד היום נישט אויף, טאג טעגליך הערט מען וועגען נייע רעפרעסיעס קעגען די אידען אין דעם אקופירטען ליטא מצד די פוילישע אדמיניסטראציאנס-באהערדען און מיליטער-לייט, עס העלפען שוין נישט מעהר די אלע פראטעסטען פון אידישער זייט, די ליידען פון די אידען אין ווילנא און אין דער ארומיגער סביבה דערגרייכען צו דער העכסטער מדרגה און ווילען גאר קיין סוף נישט נעמען.

די שרעקליכע ליידען פון דעם ליטווישען אידענטום, וועלכעס געפינט זיך איצט אונטער דער פוילישער הערשאפט, לאזט זיך נאך פארלויפיג נישט באשרייבען, די פוילישע צענזור אונטערדריקט יעדעס פרייע ווארט, און די אידישע פרעסע אין דער דאזיגער פראווינץ ווערט געהאלטען אונטער דער שטארקסטער אויפזיכט פון די פוילישע מיליטער באאמטע, און אזוי ארום ווערט אלין פארשווינגען פאר דער ברייטער וועלט.

א מאל, א מאל, רייסט זיך ארויס א שווערער קרעכץ פון די אידען אין דער פוילישער ליטא. אמאל דערהערען מיר דעם דאזיגען וועה-געשריי דורך די צייטונגען פון די אידישע קהלות, וואו עס ווערען אפטמאל באהאנדעלט די פראגען פון די שרעקליכע אכזריות, וואס דא פוילישע מיליטער ווי אויך די פוילישע ציוויל-אדמיניסטראציע באגעהט קעגען די דארטיגע אידען, דער דאזיגער וועה-געשריי איז אבער אזא פארדונקעלטער, אזא פארשלייערטער, אז עס איז קוים מעגליך ארויסצובאקומען דעם אמת וועגען די דארטיגע געשעהענישען.

איין זאך אבער איז קלאר: די פוילישע מאכט האט ארויפגעלעגט איהר אייזערנע האנט אויף דעם ליטווישען אידענטום און לאזט זיי פריי נישט אפאטעמען, פייניגט און רודפט זיי מיט דער גרעסטער ברוטאליטעט און זוכט אויף אזא אופן צו דערשטיקען אלעס וואס עס הייסט אידיש.

גאנץ אנדערש איז אבער די לאגע פון די אידען אין דעם זעלבסטשטענדיגען טייל פון ליטא, אבער ווי דאס ווערט אנגערופען ט א ר י ב א - ל י ט א. דא לעבען די אידען פאלשטענדיג פריי און אונגעשטערט אין זייערע נאציאנאלע ווי אויך פאליטישע באשרענקונגען.

די לעצטענס פארגעקומענע צוזאמענפאהרען פון די ציוניסטען, דער צוזאמענפאהר פון אידישע לעהרער און הויפטזעכליך דער צוזאמענפאהר פון די אידישע קהלות אין קאוונא האבען קלאר און דייטליך באוויזען אז די אידען אין דעם זעלבסטשטענדיגע ליטא, פיהלען זיך אלס פרייע און גלייכבארעכטיגטע בירגער ווי אלע אנדערע איינוואוינער פונ'ם דאזיגען לאנד.

דער צוזאמענפאהר פון די אידישע קהלות אין קאוונע, וואו עס זענען ברייט ארומגערעדט געווארען אלע פראגען, וועלכע באריהרען די דארטיגע אידען, האבען אויך באוואוינען דעם ליטווישען קאבינעט, אז עס זאל ארויסגעשיקט ווערען אנ'אפיציעלער רעקרעט פון דער ליטווישער רעגירונג אין וועלכען עס ווערט געזאגט, אז די ליטווישע רעגיערונג האט באשלאסען צו אנערקענען די אידען אין ליטא אלס זעלבסטשטענדיגע אויטאנאמע באפעלקערונג, וועלכע האט דאס רעכט אליין פריי און אונגעשטערט צו פארוואלטען מיט איהרע אינסטיטוציעס אזוי ווי דאס ווינשט די אלגעמיינע אידישע באפעלקערונג.

דער דאזיגער פאקט האט א גרויסע היסטארישע באדייטונג פאר די אידען אין דער נייער ליטווישער רעפובליק בכלל און פאר דעם גאנצען אידישען פאלק בפרט.

דאס ערקלערען דאס ליטווישע אידענטום אלס א זעלבסטשטענדיגע באפעלקערונג מיט אויטאנאמע רעכט, וועט איבער נישט אוועקגעהן אהן באמערקט. דעם ערשטען שריט האבען די אידישע קהלות שוין געמאכט: זיי האבען גלייך איינגעפיהרט א צוואנגס-שטייער פאר דער אידישער באפעלקערונג און האבען באשלאסען צו גרינדען א צייטווייליגען אידישען נאציאנאל-ראט, וועלכער וועט זיין די אויבערשטע מאכט ביי די אידען אין ליטא און וועט אלס געוועהלטער ארגאן פון אלע אידישע פארטייען קענען ארבייטען כדי אוועקצושטעלען דאס עקאנאמישע, סאציאלע, פאליטישע און נאציאנאלע לעבען פון די אידען פון ליטא אויף דער העכסטער מדרגה.

עס איז שוין אויך באקאנט, אז עס עקזיסטירט שוין זינט א לענגערע צייט אין ליטא, — אלזא אין קאונא — א אידישע מיניסטעריום, וואס גיט זיך אפ נאר מיט אידישע ענינים און האט שוין עד היום זעהר פיעל אויפגעטאן אויפ'ן געביעט פון אידישער ארבייט. צווישען אנדערעם האט דאס אידישע מיניסטעריום, מיט דעם אידישען מיניסטער דר. סאלאווייטשיק בראש, גענומען אויף זיך די איניציאטיווע פון צו גרינדען א אידישע פאלקס-באנק אין קאוונא מיט א גרויסע צאהל קליינע „לייה-און שפאר-קאסעס“, וועלכע זאלען זיך געפינען איבער דער גאנצער פראווינץ און האבען די אויפגאבע ארויסצוגעבען הלואות צו אידישע קליין-סוחרים און בעלי-מלאכות און אזוי ארום שאפען א פעסטען און זיכערען מצב פאר דעם אידישען ווירטשאפטליכען לעבען צווישען די אידען אין דעם נייעם ליטא.

וועלען זיך אט די אלע פלענער איינגעבען, דאן האט דאס ליטווישע אידענטום באוויזען דעם ערשטען ביישפיעל, וואס וועט אוי, קענען דיענען אלס פאקט פאר אנדערע שכנות-לענדער.

קאפענהאגען.

לידער פון איינזאמקייט

ספעציעל פאר'ן „וועג“
פון ל. בערקאוויטש

איך בין אליין...

די נאכט פארוויעגט דעם טאג אין איהרע ארעמס.
און אט לעשט אוים די זון זיך ביים פארגעהן;
איהר רויטער שיין צאנקט אוים אויף מיינע שליפען,
איך בלייב אליין, איך בלייב אליין.

אין קוימען פייפט דער ווינד א ווילדען ניגון,
און ווי א קינד פארגעהט זיך אין געוויין;
עמיין קלאפט... אך ניין — עס איז מיין הארץ גאר.
איך וואך אליין, איך וואך אליין.

שוואכער שיין, און ס'לויערען די שאטענס,
איינזאם איז מיין קעמערל און קליין;
ס'האט דער זייגער צוועלף שוין אויסגעשלאגען,
איך וואך אליין, איך וואך אליין.

עס קלינגט די שטילקייט אפ אין מיינע אויערען,
איך וויל דעם סוד פון זיך אליין פארשטעהן;
א וועלט אליין, צווישען אלע וועלטען —
בין איך אליין, בין איך אליין!...

שטילע טעג..

(סאנעט)

ווי די שטילע בלייכע שאטענס, צאנקען זיי אוועק.
מיינע צארטע, מיינע שטילע, שטילע יוגענד-טעג!
זיינען ליכטיג, און נאהנטען, ווי פארגעהן, גענומען מיט,
מיינע זיסע חלומות! — און דעם שפור פון מיינע טריט
מעקען אפ די בייזע קינטען; און די צאהנדיגע שטורעמס
קראכען מיט א ווילד געלעכטער, מיינע העכסטע וואונדער-טורמס!
ס'האט מיין לייבסטע אויך, מיט דעהנער אויסגעציירט מיין וועג.
און די העלסטע פרייד געלאזען האט מיר, גרויע טעג...
און פאר יעדע קנע פרייד, האב טרעהרען איך באצאהלט;
אנשטאט בלומען, ווילדע דערנער, — שטיינער, אנשטאט גאלד;
און איך זעה די קרומע וועגען צו מיין הייסטען ציעל.
יאהרען, ווענינע געצעהלטע, טריעבע שעה'ן, פיעל,
און צום סוף, אין פעלד פארגעסען, ליעגען וועם אליין
ערגעץ וואו, א שטומער בערגעל, און א קאלטער שטיין...

מיעדיגקייט..

מיעד בין איך, אזוי מיעד;
א ווייכע מיעדקייט ציהט אראפ,
א שווער געוויכט אויף יעדען גליעד,
פון מיין פוס-טראט, ביז'ן קאפ.

און האסט מיך געליעבט געקושט,
און אוועק מיט שטילע טריט, —
האט די בענקעניש און די לוסט
מיך פארשמאכט און איינגעמיעדט...

אונזער פליכט אין איצטיגער צייט

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)
פון הרב יחזקאל אישישקין

א גרויסע צייט איז פאר אונז יעצט געקומען, אזא צייט איז שוין ניט געווען בערך צוויי טויזענד יאהר. גוטע ווינטען האבען אנגעהויבען בלאזען און טרייבען פאנאנדער די שווארצע כמארעס וועלכע זיינען געווען פארשפרייט איבער אונז. א הערליכע שטימע ווערט געהערט, אז מיר וועלען באלד קריגען „ארץ-ישראל“. די פלאמאטען, שטאטסמענער און וועלט-גדולים רופען צו אונז: „געהט און בויעט ציון, געהט און באזעצט זיך אין איהר, דאן וועט זי ווערען אייער אייגענטום“.

דאס שטימט ריכטיג מיט די ווערטער פון תלמוד, קדושין (דף כ"ו) 'וירשתם אותה וישבתם בה. במה ירשתם בישיבה'. ה. ה. ארץ ישראל איז צו אייך א ירושה, איהר וועט איהר ערהערבען ווען אז איהר וועט אין איהר וואס עס איז פיקסען און א חזקה טאן.

אין דעם אידענס אויפגאבע איז יעצט אויפצובויען דאס חרוב'ע לאנד ציון. א חזקה טאן אין איהר, און ארץ ישראל זאל [illegible]

טונג. מיר מוזען זיין א פריי פאלק, מיט אמת'ער פרייהייט, אזוי ווי דער תלמוד זאגט: „שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה“.

און אזוי ווי עס איז אמאל געווען, ביי דער אויפבויאונג פון דעם „משכן“, אז „מרבים העם להביא“, דאס פאלק האט צופיעל נדבות' געבראכט, אזוי באדארף יעצט אויך אזוי זיין. עס איז ניט קיין נדבה, נור א הייליגע פליכט ליעגט אויף יעדער אידען, צו לייגען א ציעגעל ביי דעם 'בנין הארץ', מען טאר ניט פארנאכלעסיגען דעם יעצטיגען מאמענט, דיא

גרויסע צייט אין אונזער געשיכטע; מען מוז אנטעטרענגען אלע קרעפטען און מיט פרייד מאבען די ברכת „שהחיינו“ אז מיר מיר האבען דערלעבט צו געבען צו דער אויפבויאונג. פון אונזער חרוב'ען לאנד. און פאר דער פארשטארקונג פון דעם ירדענטום, און מיר זאלען זעהן די ריכטיגע „גאולת עם ישראל“, די אויסלייזונג און באפרייאונג פון אידישען פאלק, סיי מאטעריאליש און סיי גייסטיג.

יעדער ארטאדאקסישער איד מוז שטיצען און העלפען דעם „מזרחי“.

אונטערן האמער

ספעציעל פאר'ן „וועג“
פון חיים הורוויץ.

די רעדער פון די אייזענבאהנען וועלכע האבען זיך פאר א היבשע צייט גע- [illegible]

קאן זיך אין א טרוקען לאנד לאנג ניט האלטען...

אין ירושלים איז לעצטענס צום ערשטען מאל געפאלען א'גרויסער שנעע. זאל זיין אז אונזער 2 טויזענד יאהריגע געליעבטע „בת ציון“ איז געווארען צו אונז גלייכגילטיג וועלענדיג אונז געבען [illegible]

פוילישע רויבעריי

[illegible]

16 יאהריגע מיידעל שיסט אויף איהר שטיעף-פאטער

[illegible]

סאציאליסט אלס פרעמיער אין שוועדען

[illegible]

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע שוין אין פארבינדונג מיט ליטא

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע מאכט באקאנט, דאס איהר איז געלונגען צו פארקניפען פארבינדונגען מיט די אידען אין קאוונא, די הויפטשטאדט פון דער ליטווישער רעפובליק.

די קאמיטע האט אויפגענומען מיט די אידישע פיהרער אין קאוונא די פראגע פון עפענען ברענטשעס ביוראס אין ליטא, פאר דעם צוועק צו מאכען מעגליך פאר די אידען אין אמעריקא צו שיקען געלט צו זייערע קרובים אין ליטא. און אזוי שנעל ווי עס וועט אנקומען פון דארטען א צופרידענשטעלענדער ענטפער, וועט די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע דיזען פאקט באקאנט מאכען אין דער אידישער פרעסע.

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע שטעהט אין פארבינדונג וועגען דיזער אנגעלעגענהייט מיט' דר. סאלאווייטשיק, מיניסטער פון אידישע אנגעלעגענהייט אין ליטא, אדוואקאט ראזענבלום (געוועזענער הילפס מיניסטער פון אויסערן אין ליטא), און איינינע אנדערע פראמינענטע פערזאנען.

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע מאכט אויך באקאנט, אז אין יעדער גרויסער שטאדט און דיסטריקט אין דער יעצטיגער פוילען, איז דא איין פערזאן אדער קאמיטע פון מעהרערע פערזאנען, מיט וועלכע דער ווארשעווער ברענטש אפיס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע איז זיך מיישב און פון וועלכע זי נעמט אן רעקאמענדאציעס.

די קאמיטע אין יעדער שטאדט און דיסטריקט באשטעהט פון פערזאנען וואס זענען פראמינענט אין דער שטאדט אדער דיסטריקט. היער איז א קורצע ליסט פון קאמיטעס אין א דוצענד גרויסע שטעדט אין פוילען:

ווארשא: ס. נאטאנסאהן.

ווילנא: הרב ר' חיים עוזר גראדזינסקי, הרב רובינשטיין, דר. שאבאד, דר. ווירגאדסקי, א. קרוק, מ. שאליט, און קליים.

מינסק: חיים חורגין.

גראדנא: דר. ליפניק, מ. קריסטאנסקי, מ. וואלפסאהן, נ. באס, יאנאווסקי, פאלניצקי, ניימארק, און מענעס.

לאדז: סטאניסלאוו יאראשינסקי.

לעמבערג: דר. עמיל פרנס, און דר. וואסער.

קראקוי: דר. י. שטיינבערג, דר. לאנדוי און ניטענבערג.

ראדאם: דאנציגער און טעמערסאן.

לוצק: י. איינבינדער און וואקסמאן.

בריסק: י. מאטעצקי.

ביאליסטאק: י. וואקס, דר. ליפשיץ, ב. ראזענטהאל, ב. גאראנסקי, נ. יאקאבסאן, ב. קאפלאן, א. סובאטניק.

סעדלעץ: גוטגעלד און ווינטרויב.

פאגראמען און עפידעמיעס

די אידישע צייטונג „די וועלט", וועלכע ערשיינט אין קיעוו, שרייבט, אז די מעדיצינישע אבטיילונג פון דער אידישער סאניטאר קאמיסיע אין רוסלאנד האט אונטערזוכט דעם געזונדהייטס-צושטאנד פון די אידישע פליכטלינגע אין קיעוו, וועלכע זענען אנטלאפען פון די פאגראמען. אין דעם באריכט ווערט געזאגט, אז די עפידעמיע און טיפוס-פיבער צערשפרייט זיך צווישען די פליכטלינגע אין א שרעקליכער מדרגה. צווישען די 1200 פליכטלינגע, וועלכע זענען אריינגענומען געווארען אינ'ם אזיל אויף 37 קאנסטאנטינאווסקאיא, זענען פאראן 644 קראנקע, פון וועלכע 400 ליידען פון טיפאיד פיבער. נאר 121 פו די דאזיגע אונגליקליכע לייט האבען געקענט אנקומען אינ'ם אידישען שפיטאל. פאר די איבעריגע איז קיין פלאץ נישט געווען. פארשטעהט זיך, אז דורך דעם האלט די עפידעמיע אין איין פארשפרייטען זיך. א גרופע אידישע יונגע לייט פו פאדאליע, וואס האט פארגעזעצט איהר הילף צו די פליכטלינגע האט זיך שוין אנגעשטעקט מיט דער קראנקהייט. עס האט זיך ארגאניזירט א ספעציעלע קאמיסיע, וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון פארשטעהער פונ'ם רויטען קרייץ און דעם פאגראם קאמיטעט כדי צו געבען מעדיצינישע הילף די פאגראם קרבנות. די קאמיסיע האט באשלאסען צו ארגאניזירען א פרייוויליגע מאביליזאציע פון דאקטוירים, שוועסטער, מעדיצינישע סטודענטען א. אז. וו.

די שטערבליכקייט ביי אידען אין פוילען פארגרעסערט זיך

לויט דער סטאטיסטיק פון דער בית-עלמים אפטיילונג ביי דער גמינע אין ווארשא, זענען פאר די לעצטע 3 וואכען געשטארבען אין ווארשא 363 אידען, דארונטער די ערשטע וואך 90, די צווייטע 113, און די דריטע 160 אידען. די דאזיגע ציפערען באווייזען, אז די שטערבליכקייט צווישען דער אידישער באפעלקערונג האט זיך לעצטענס באדייטענד פארגרעסערט.

א פראטעסט-פארזאמלונג געגען דער פראצענט-נארמע אין פויזנער אוניווערסיטעט

פון ווארשא איז מען מודיע דעם לאנדאנער איד. קאר. ביורא, אז דארט איז לעצטענס אפגעהאלטען געווארען א פארזאמלונג פון דער אידישער אינטעליגענץ מיט' צוועק צו פראטעסטירען געגען דער איינפיהרונג פון דער פראצענט-נארמע אין דעם פויזנער אוניווערסיטעט.

אויף דער פארזאמלונג האבען גערעדט דר. ביכאווסקי, אדוואקאט פאוע, הערר עמיל פערעץ, הערר וואלקאוויטש און אנדערע. געגען דער פארזאמלונג זענען ארויסגעטראטען אדוואקאט אלשוואנגער און הערר שולף, וועלכע האבען זיך באמיהט צו פארענטפערן די פארארדנונג פון דער פוילישער מאכט.

נאך לענגערע אונטערהאנדלונגען איז אנגענומען געווארען א פראטעסט-רעזאלוציע, וועלכע דארף איבערגעשיקט ווערען צום סיים-מארשאלעק.

די חלוצים אין רוסלאנד

לויט ווי עס מעלדען די פאלעסטינא צייטונגען שטעהען זיך די „חלוצים" אין רוסלאנד אויס גרויסע צרות, און זיי ווארטען מיט אונגעדולד אויף'ן טאג, ווען די טויערען פון פאלעסטינא וועלען זיך עפענען און זיי וועלען קענען איינוואנדערען אינ'ם לאנד.

אזוי למשל, האבען אינ'ם דארף דאבראווא (הערס. גוב.) אין יאהר תרע"ז איינצעלנע גרופעס געארבייט ביי פארמערס אין די אידישע קאלאניעס און יאהר תרע"ח האבען זיי באשטימט גרינדען א זעלבסשטענדיגע געמישטע אנדראווירטשאפט. מיט פיעל מיה און שטיצע פון די צענטראלער ארגאניזאציע א „החלוץ" אין פאלטאווא און פון עטליכע אידישע אגראנאמען איז זיי געלונגען דעמזעלבען יאהר נאך'ן שניט אויסצוצאהלען זייערע חובות און נאך בלייבען ביי א ביסעל אייגען געלט. דאן האבען זיך אבער אנגעהויבען גריגאריעוו'ס טעג... זייער האב און גוטס איז צושטערט און צוראבירט געווארען. אלע איינוואוינער זענען זיך צולאפען; ווען זיי זענען צוריקגעקומען אונטער דער הערשאפט פון די „פרייוויליגע" האבען זיי ווייטער אנגעהויבען בויען, עס איז אבער פארגעקומען א פויערים-אויפשטאנד און קיין שריד ופליט איז נישט געבליבען פון זייער ווירטשאפט.

די קאלאניסטען אין „דאבראיע" זענען זיך ווידער צולאפען און באשלאסען בעסער צו שטארבען פון הונגער איידער צוריקקעהרען זיך דארט. די חברים האבען זיך צושפרייט איבער ניקאלאיעוו, חערסאן, און אדעס און זוכען עפעס ארבייט.

געלט און שטיצע קען געשיקט ווערען קיין ראוונא

די לעצטע דעפעשע, וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט באקומען פו איהר פארטרעטערשאפט אין ווארשא, מעלדעט, אז די רעליעף-ארבייטער איז ענדליך געלונגען אנצוקומען קיין ראוונא און ברענגען די ערשטע הילף אין דער שטאדט. די לאגע דארטען איז שרעקליך. עס פעהלט דארטען שפייז, קליידער און באזונדערס פיהלט זיך דער מאנגעל אין מעדיקאמענטען צוליעב דער גרויסער צאהל קראנקע אין שטאדט. די קאמיטע מעלדעט אויך, אז פון איצט אן וועט זי שוין אננעמען אויך פריוואטע געלטער ארויסצושיקען צו די קרובים קיין ראוונא.

די קאמיטע אין ווארשא האט אויך געזוכט צו פארקניפען פארבינדונגען מיט זשיטאמיר און הארדעץ, אבער ביז איצט איז עס נישט געלונגען, און די שטעדט בלייבען דערווייל ווי פריהער אפגעשניטען פון וועלכער עס איז פארבינדונג.

גרין בעי, וויס. פארדרייפאכט איהר קוואטא

גרין בעי'ס אריגינעלע קוואטא פאר'ן צעהן מיליאן דאלאר גאולה פאנד איז $3,500, די אידען פון יענער שטעדטעל, וועלכע צעהלען ארום 360 נפשות, האבען זיך אבער מיט דעם נישט באנוגנט און האבען דאריבער באשלאסען צו דערהעהען זייער קוואטא ביז צעהן טויזענד דאלאר.

אין זיין בריעף צו דעם ניו יארקער הויפט אפיס, שרייבט מר. ראזמאן, סעקרעטער פון גרין בעי'ער ציון דיסטריקט, „מיר האבען פארטיג אלע פלענער פאר אונזער קאמפיין, דורך וועלכען מיר ערווארטען צו שאפען די סומע פון צעהן טויזענד דאלאר, אנשטאט $3,500 אונזער אריגינעלע קוואטא. עס איז אונז נאטירליך אנגעקומען צו פאראינטערעסירען די גוים אין דיזער גרויסער ארבייט, און זיי האבען מיט'ן גרעסטען ענטוזיאזם באשלאסען בייצוטראגען זייער חלק. „מיר דענקען", שרייבט ער ווייטער, „דאס די זעלבע סומע קען באנוצט ווערען איבעראל".

עס איז זיכער ניט נויטיג וואס עס אין צוצוגעבען צו דיזען בריעף, וועלכער רעדט פאר זיך. עס איז אבער ווינשענסווערט דאס די אלע אנדערע אידישע קהלות איבערן לאנד זאלען נאכפאלגען דעם שעהנעם ביישפיעל פון דיזער קליינער קהלה, און אנווענדען זייער גאנצע ענערגיע צו מאכען דעם קאמפיין א ערפאלג.

100 טויזענד דאלאר געשיקט פאר אידען אין אוקראינע

דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע שיקט דיזע סומע פער קאבעל צו ריכטער הערי פישער און מאקס פיין וועלכע זיינען שוין יעצט וואהרשיינליך אין אוקראינע.

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט געשיקט פער קייבעל הונדערט טויזענד דאלאר צו ריכטער הערי פישער און מאקס פיין, מיטגליעדער פון דער אוקראינער קאמיסיע פאר דער פערטיילונג צווישען די אידען אין אוקראינע.

דיזע סומע איז באשטימט געווארען אויף דעם לעצטען מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, וועלכער איז פארגעקומען דאנערשטאג אבענד, 12 פעב. אונטער'ן פארזיץ פון פעליקס מ. ווארבורג.

אויף דיזען מיטינג איז באקאנט געווארען, אז ריכטער פישער און מאקס פיין האבען געמאכט א פארזוך אריינצודרינגען אין אוקראינע דורך רומעניען, און אזוי ווי עס זיינען געווען אויסזיכטען, אז זייער פארזוך זאל געקרוינט ווערען מיט ערפאלג, האט די קאמיטע באשלאסען גלייך צו דעפעשירען הונדערט טויזענד דאלאר, וועלכע די צוויי שלוחים נאך אוקראינע זאלען פערטיילען צווישען די פערונגליקטע אידען דארטען.

דער דריטער מיטגליעד פון דער אוקראינער קאמיסיע, פראפ. איזראעל פרידלענדער, האט זיך אויך געלאזען נאך אוקראינע אבער דורך אנאנדער וועג, און מען האט פארלויפיג נאך ניט געהערט פון זיין ערפאלג.

מיט איבער א וואך צוריק איז אפגעפאהרען פון אמעריקא דער פערטער מיטגליעד פון דער קאמיסיע וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט געשיקט נאך אוקראינע, און דאס איז דער באקאנטער אידישער שריפטשטעלער מ. קאטץ פון פילאדעלפיא.

מר. קאטץ איז געשיקט געווארען פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע מיט דער זעלבער פאלמאכט וואס די אנדערע דריי מיטגליעדער.

לואיס מארשאל האט אויפ'ן זעלבען עקזעקוטיוו מיטינג צוגעשטעלט א באריכט וועגען דער הילפס באנק וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאנפערענץ פון לעצטען אקטאבער האט באשלאסען צו גרינדען מיט א גרינדקאפיטאל פון צעהן מיליאן דאלאר.

מר. מארשאל האט רעפארטעט, אז ער האט זיך געזעהן וועגען דעם מיט די גרויסע פינאנסירען, און אז דער פלאן ווי צו ארגאניזירען די באנק איז שוין ווייט איינגעפאהרען.

עס איז אויך פארגעלעזען געווארען א פלאן פון דר. באגען, ווי דער יוניט וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט געשיקט לעצטען מאנאט קיין פוילען אונטער דער לייטונג פון דר. באגען, זאל אנפיהרען זיין ארבייט.

דער פלאן איז טיילווייז, אז דער „יוניט" זאל פיער וואכען ארבייטען אין ווארשא, נאכהער א מאנאט אין גאליציען, א העלפט פון „יוניט" (12 מיטגליעדער) וועט זיך אפגעבען מיט צושטעלען די געלד ענדונגען פון אמעריקאנער אידען צו קרובים און מיט ארגאניזירען די פערטיילונג פון שפייזפעקלאך. צוויי מיטגליעדער פון „יוניט" וועלען געשיקט ווערען קיין קאוונא און פון דארטען וועלען זיי באזוכען ליבאו, ריגא און צוויי אנדערע מיטגליעדער וועלען געשיקט ווערען קיין דאנציג.

דר. באגענס פלאן לויטעט אויך צו פאררופען א קאנפערענץ אין ווארשא פון די טעטיגסטע אידישע פיהרער אין יעדען דיסטריקט, ווי פאלגט: דר. שאבאד פון ווילנא, דר. חורגין פון מינסק, יאפע פון בריסק, פרנס פון לעמבערג, לאנדוי פון קראקוי, גינצבורג פון פוילען און פארבשטיין פון ביאליסטאק.

די עקזעקוטיוו פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט אויך באשלאסען איינצולאדען צו איהר נעקסטען מיטינג דר. אלעקסאנדער זאלקינד, פון הילאנד, וועלכער איז לעצטענס געקומען אין ניו יארק מיט דער אויפגאבע צו פאראינטערעסירען די אידען פון אמעריקא אין דער געפלאנטער אל-וועלטליכער קאנפערענץ וועגען אידישע רעליעף ארבייט.

דר. זאלקינד'ס באריכט וועט זיין א ספעציעלער פונקט אויף דער טאגעס-ארדנונג פון מיטינג.

„ספעציעל פאר'ן „וועג"

די לעזער פון „וועג" האבען מסתמא באמערקט אז איבער די ארטיקלען וואס זיינען געדרוקט געווען אין 'וועג' זייט די לעצטע פאר חדשים פלעגט שטעהן א קליינע שורה: „ספעציעל פאר'ן וועג." דאס האבען מיר געטאן דערפאר ווייל זינט אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין האט איבערגענומען די רעדאקציע האט ער באשטעלט אין ניוארק און אנדערע גרויסע-צענטערן און אויך אין אויסלאנד מיטארבייטער.

די לעזער אבער פון דער פראווינץ זיינען נישט געוועהנט געווען צו טעגליכע פראווינץ צייטונגען וואס זאלען אויסגעפילט זיין מיט ארטיקלען, סקיצען און ליעדער ספעציעל געשריעבען פאר דער צייטונג. האבען מיר דארום מיט דער דאזיגער שורה (ספעציעל פאר'ן „וועג") איבערצייגט די לעזער אז אונזער צייטונג האט זיך מיט'ן אנקום פון אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין געשטעלט די אויפגאבע נישט אויסצופילען די שפאלטען פון דער צייטונג מיט פרעמדע, איבערגעדרוקטע ארטיקלען. אין „וועג" באטייליגען זיך אנערקענטע פובליציסטען, הומאריסטען, פעליטאניסטען און פאעטען; דער „וועג" האט קארעספאנדענטען אין אויסלאנד און אין ניוארק; דער „וועג" לאזט נישט פארביי קיין איין וויכטיגע געשעהניש און פאסירונג אין דעטראיט; יעדע אידישע פאסירונג ווערט נישט נאר געמעלדעט, נאר אויך באלויכטען און ארומגערעדט עדיטאריעל אדער אין אן ארטיקעל; יעדע ארגאניזאציע, פאראיין אדער סאסייעטי געפינט נישט נאר פלאץ פאר איהרע באריכטען, נאר א פלאץ פאר אגיטאציע פראפאגאנדא אדער לענגערע ערקלערונגען וועלכע העלפט דער פאפולאריטעט פון פאראיין און צו איהרע ערפאלגען.

מיט איין ווארט דער 'וועג' באמיהט זיך צו זיין דאס, וואס איהר רעדאקטאר האט פארשפראכען: — א ריינע און אנשטענדיגע דעטראיט'ער טאג-צייטונג.

דאס מענעדזשמענט.

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע
ריקאנער דאלארס.

קעדילאק 2061



MAZOLA

די בעסטע געזונטע שמאלץ איז נישט בעסער פון מאזאלא פאר פרייען. דער פיינער דעליקאטער ריח פון מאזאלא, איהר וואונדערבארע ריינקייט מאכט אלע שפייזען פול מיט טעם און זעהר לייכט צו פערדייען.

איהר וועט קיינמאל ניט פיהלען דעם ריח אדער דעם טעם פון פעטס אין שפייזען וואס ענטהאלטען מאזאלא, ווייל מאזאלא איז דער ריינסטער ארטיקעל אין דער וועלט. אלע שפייזען וואס ווערען געמאכט מיט מאזאלא זיינען לייכט צום פערדייען און אנגענעהם אין טעם.

אזוי ווי עס איז אמת כשר און פארעווע, קען יעדע זאך וואס ווערט געפרייט אדער געבאקט אין מאזאלא געגעסען ווערען מיט מילכיגע אדער מיט פליישיגע שפייזען צוזאמען.

מאזאלא איז בעסער ווי פוטער אדער בוימעל צום באקען, עס איז מעהר נאהרהאפט און לייכטער צו פערדייען ווי טשיקען אדער געגזען פעטס אין פרייען. עס איז אזוי גוט ווי די פיינסטע אימפארטירטע אליוו אויל פאר סאלאדס — און עס קאסט העלפט געלד.

פרעגט אייער שכנטע וועלכע יוזט מאזאלא.

Corn Products Refining Co.
17 Battery Place New York City

דער סיום הש"ס אין אמעריקא

דיעזע טעג ווערט פארענדיגט איינע פון די ריזיגסטע אידישע אונטערנעמונגען אין אמעריקא און דאס איז די אמעריקאנער אויסגאבע פון דעם גרויסען ווילנער ש"ס.

די אונטערנעהמונג איז, ווי געזאגט, געווען א ריעזיגע און אויך א ריזיקאלישע מאטעריאל. עס איז געווען א פאראויסבאצאהלונג ובפרט אונטער די איצטיגע שרעקליך יקרות'דיגע פרייזען אויף פאפיר און דרוק שטימטער פארלוסט פון א קאמערציעלען שטאנדפונקט און דערפאר האט עס נאר געקענט אונטערנעמען ווערען פון אזא קערפערשאפט ווי די אגודת הרבנים האורטודוקסים, וועמעס צוועק עס איז געווען ניט צו מאכען געלט, נאר צו ארויסגעבען א ש"ס, ווייל די אידישע וועלט דא, אין ריעזע לענדער, און אויך אין אייראפא, איז צוליעב דער מלחמה פארבליבען אהן ש"ס'ן.

די ערשטע דריי הונדערט ש"ס'ן זענען שוין טאקי אפגעשיקט געווארען נאך אייראפא פאר די דארטיגע ישיבות און די איבעריגע זיבעצעהן הונדערט וועלען קוים קענען צופרידענשטעלען די ווייטערע נאכפראגען דא און דארטען.

דער געוועהנליכער עולם קען זיך קוים מאכען א באגריף וואס פאר א קאלאסאלע ארבייט עס איז געווען בלויז מצד דער טעכנישער זייט צו פארפערטיגען אזא מאנומענטאלע ווערק פון איבער נייין טויזענד זייטען, א האלבער בויגן יעדען; הונדערטע מענשען האבען דאבי געארבייט פאר צוויי יאהר צייט טאג און נאכט: אנדערהאלבען מיליאן קונטרסים האבען געמוזט דורכגעהן הונדערטע הענט ביז זיי האבען צוזאמענגעשטעלט די איבער פערציג טויזענד כרכים; יעדער קנייטש פון א קונטרס האט געמיינט אנדערהאלבען מיליאן קנייטשען, יעדער גלעט, יעדער שטיך, יעדעס מאל אריבערלעגען פון איין פלאץ אויף'ן צווייטען, האט געמיינט אנדערהאלבען מיליאן מאל די זעלבע זאך; יעדער סענט אויסגאבען אויף א קונטרס האט געמיינט פופצעהן טויזענד דאלאר; יעדער סענט אויסגאבען אויף א כרך, האט געמיינט איבער פיער הונדערט דאלאר; עס האט זיך געפאדערט דרייסיג טויזענד פונט פאפיר אויף צו אנגלעהן מיט יעדער טייל פון דער ארבייט און מען האט דערצו געדארפט א מאדערנע זעכציג-טויזענד דאלאריגע דרוקעריי, מיט א פאטא-ענגרייווינג פלענט און בוכבינדעריי צו קענען די ריעזיגע ווערק ארויסגעבען.

ווען ניט די מאדערנע מיטלען מיט די וואונדערבארע נייע ערפינדונגען, וואלט עס געדארפט נעמען פינף און צוואנציג יאהר צו פארפערטיגען אזא ווערק און מען וואלט עס דארפען פארקויפען צו טויזענד דאלאר א ש"ס, לויט די איצטיגע פרייזען פון מאטעריאל און ארבייט, אבער א דאנק דעם מאדערנעם פראצעס און סיסטעמאטישער ארבייט און שנעלקייט, איז דער ש"ס ארויסגעקומען אין קנאפע צוויי יאהר און א סך שעהנער און בעסער ווי די אריגינעלע ווילנער ש"ס'ן און ער קאסט בלויז א צעהנטעל פון דער אויבענדערמאנטער סומע.

די בילינקייט פון פרייז איז, ווי געזאגט, אויך דער רעזולטאט דערפון, וואס די אגודת הרבנים האט דאס ניט געמאכט לשם פראפיטען און זי האט מעהר אויסגעגעבען אויף'ן ש"ס, ווי זי וועט דערפאר אריינגעמען; פיעלע מנדבים האבען בייגעשטייערט טויזענדער דאלאר פאר דער אויסגאבע און פיעלע פארשפרעכען נאך צו געבען נייע סומען און נאר אויף דיעזען אופן, האט דאס מאנומענטאלע היילינע ווערק געקענט ווידער ערשיינען דא אין אמעריקא.

דער גרויסער סיום הש"ס קומט דא פאר אין א צייט, ווען אין אייראפא איז אלעס חרוב ומוחרב און מען וועט דארטען פאר לאנגע יאהרען און פיליכט שוין קיינמאל ניט קענען ארויסגעבען א נייעם ש"ס; די אמעריקאנער אידען מעגען זיך דאריבער גראטולירען און זיך אפגעבען מזל טוב, וואס זיי האבען צוריק אנגעקניפט די איבערגעריסענע גאלדענע קייט פון אונזער היילינער תורה. די אויסגאבע פון תלמוד בבלי אין א נייעם לאנד, איז אימער געווען א סמן, אז דאס אידענטום ווערט באפעסטיגט אין יענעם לאנד, און פונקט אזוי איז עס אימער א סמן, אז דארטען וואו די אויסגאבע פון תלמוד ווערט אונמעגליך, מוז דאס אידענטום נעמען דעם וואנדער-שטעקען און לויפען זוכען א נייע היים פאר זיך.

„ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", קען מען ריכטיג און היסטאריש בארעכטיגט אויסגעטייטשט ווערען אויף יעדער נייער אויסגאבע פון אונזער היילינסטע ווערק, דער תלמוד בבלי. וואו עס ערשיינט דער תלמוד, איז עס אפילו פון דעם איינפאכען פראקטישען שטאנדפונקט א גוטער סמן אויף אונזער וואהלהאבענדען צושטאנד אין יענעם לאנד. אין קיין שום אנדער לאנד קען דאס אידענטום אין דעם איצטיגען מאמענט, אזא גרויסע פאלקס-ארבייט ניט אונטערנעמען און אפילו דא אין אמעריקא קען נאך קיין שום אנדערע איינגעוואנדערטע נאציאן ניט פארווירקליכען אזא זאך-ווי צו ארויסגעבען א פערטעל-מיליאן-דאלארדיגע ענציקלאפעדיע פון זייער נאציאנאלען גייסטיגען רייכטום, ווען זיי זאלען אפילו האבען עטוואס עהנליכעס צו אונזער תלמוד.

שלוס אויף זייט 6

קאפלאן'ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע ליינס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, סוועטערס; טייבעל קאווערס; שאלס און סקארפס. קאמפליט ליין אין לידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייעס סוטס און קאוטס.

א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
מעין אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

צו ענטוויקלען און אמוזירען קינדער דארף מען קיין רייכטום

פון ב. י. ג—ן

רייכע עלטערען ארדענען איין שפיעל צימערען (פליי רומס) פאר זייערע קינדער מיט כל ערליי מעכאנישע שפיעלצייג. וואס העלפען דער ענטוויקלונג פון די קינדערשע מהות. די דאזיגע צימערען טרעפען אן גרויסע סומעס געלד און האבען א גרויס באדייטונג פאר די קינדער.

אין די ארימע הייזער ספעציעל אין די אידישע גאסען, ווי למשל, הייסטינגס סטריט א. ד. ג. איז פון אזא מין "לוקסוס" קיין זכר נישטא. קיין אורזאכע איז נישט געווען. ווארים אויך אין די הייזער פון די ווענינער פארמעגליכע אידען זאלען די קינדער נישט האבען זייערע ווינקעלאך, וואס זאלען געהערען בלויז צו זיי.

נישט קיין גרויסע סומעס געלד דארף מען האבען אויף איינצוארדנען פאר קינדער א ווינקעלע אין א צימער, וואו זיי זאלען האבען אזעלכע שפיעלכלעך, וואס זאלען ענטוויקלען זייער מח, זייער שכל און אפשר אויך זייער טאלאנט און באהוף צו עפעס.

מען דארף נאר זעהן אז דאס דאזיגע שטיקעל מקום וואס מען גיט אפ פאר'ן קינד זאל נישט זיין פינסטער, אדער פייכט. עס איז אויך ראטזאם צו אפצוימען דאס אזוי, אז וואס קינד זאל וויסען, אז דאס שטיקעל פלאץ איז אונטער זיין איינענער הערשאפט. וואס דער שפאליער אין דעם אפגעצוימטען ווינקעל זיין נישט מיט קיין שרויענדיגע געמעהלבצען; ארומגעהאנגען מיט אנציהענדע בילדער. לאמיר זאגען בילדער ארויסגענומען פון זשורנאלען וואס שטעלען פאר שניט־צייט אויף די פעלדער; פאסטוכער מיט שאף; הויזרעקלעך אויף בוימער; א משפחה ארום א טיש און ענליכע באזונדערע בילדער.

דאס איז א זאך וואס יעדער ארבייטער, יעדער ווייניג פארמעגליכע מוטער קען איינארדענען פאר איהר קינד.

קיין שום קארפעטס, קאווירען געפען נישט צו קיין געזונד אין א הויז. אין קאווירען און אין טעפיכער האלטען זיך כל ערליי מיקראבען, שטויב. דאס בעסטע איז א ריינע פארלאגע אהן שום צודעק. אויב אבער מען וויל שוין דוקא באדעקען די פארלאגעס דאן זאל מען נאר נוצען "אילקלאטה".

אין יענעם שטיקעל ווינקעלע וואס מען גיט אפ פאר א קינד זאל מען די פארלאגע באדעקען מיט א טוך וואס מען קען אלע טאג אויסקלאפען.

עס איז א גרויס נחת פאר א קינד ווען עס האט איינענע מעבעל. שטעלט אוועק פאר אייער קינד איינענע וועלכע טישעלע מיט צוויי דריי בענקלעך, א פאפקעלע א. ד. ג. מעבעל, וואס אנדערע קענען דאס אליין מאכען פאר זייערע קינדער פון ברעטלעך; אנדערע, וואס קענען באצאלען, קענען דאס קריגען אין די קראמען פאר א קלייניגקייט.

פארבען איז א זעהר נוצליכע ארבייט פאר קינדער. גיט איהר די קינדער א טישעלע, פאפיר, שרייבהענטלעך און פארב. וועלען זיי מיט דעם פארברענגען טעג ווייז און וועלען נישט "בארערען", נישט דאקטישען.

מיט קאלירטע שרייבהענטלעך ארויסצופארבען די בילדער אין די זשורנאלען, מיט דער פאסיגסטער פארב פאר יעדען בילד, איז אן ארבייט וואס ענטוויקעלט דעם קינדערשען שכל.

ווען אין א הויז זיינען דא עטליכע קינדער, איז גוט ווען מען גיט די קינדער א פרייז פאר צופאסען די בעסטע און פאסיגסטע פארב צו בילדער. עס ענטשטעהט א מין קאנקורענציע ביי די קינדער, ווי טראכטען זיך אריין אין זייער ארבייט און האבען גרויס נחת ווען עס געלינגט זיי.

הילצערנע וועשהאלדערס ("קלאטהס פינס") איז גוט צו געבען קלענערע קינדער צום שפיעלען זיך. זאלען זיי פון פאפראס־פאפיר מאכען קליידלעך אויף זיי; די קעפלעך איבערפארבען אויף מענשעלעך, אדער מאכען פון זיי סאלדאטקעלעך, פערדעלעך וכדומה.

פאר א פאאר סענט קען מען איינארדנען פאר א קינד אן אלבאם מיט געמאהלטע פאסט־קארטלען, וואס שטעלען פאר פארשיידענע לאנדשאפטען.

פאר א סענט האט דאס קינד א לאלקעלע אויף צו לאזען זייפען־בלאזען פליהען. פאר ווענינער ווי א סענט קען יעדע מוטער צוטיילען איהר מיידעלע א שטיקעל טייג.

טייג איז פאר א קינד דאס בעסטע און אמוזירענדסטע שטיק שפיעלצייג. יעדע פלאסטישע מאטעריע, ווי ליים, וואקס, שנעע און טייג איז פאר א קינד אמוזירענד און אנגענעהם, ווייל דאס קינד פיהלט זיך דא פעפעס צו באשאפען. עס וועט אויסמאכען פון א שטיקעל ליים אי א שטוב, אי א מענשעלע, אדער א חיה'לע.

האבען אבער די אידישע מוטערס מורא אז זייער קינד זאל האבען צו טאן מיט ליים און זשאלעווען דעם קינד א שטיקעל טייג — דוקא ווייל דאס איז ביים קינד בעסער איידער אלע אנדערע שפיעלצייג.

דערצעהלט מען דעם קינד א מעשה'לע און מען גיט עס נאכדעם א שטיקעל ליים, אדער טייג, וועט עס באלד פרובירען אויסצומאכען איינע פון יענע העלדען וואס מען האט זיי אין דעם מעשה'לע אויסגעמאהלט.

ווען קינדער זיינען עלטער און די מוטער, אדער פאטער לערנט זיי אויס לייענען, אדער צונויפשטעלען א זאץ, איז עס ראטזאם אויסצוקלעפען פאר זיי אויף א ברעטעל איינציגע אויסגעשניטענע גרויסע בוכשטאבען, אדער אויפשרייבען פאר זיי מיט קאלירטע גרויסע בוכשטאבען א זאץ, וואס זאל זיי געבען א מעגליכקייט צו געדענקען א געוויסען פארלאנג, אדער לעהרע.

דאס בעסטע איז ווען די אויפשריפטען ענטהאלטען א מאראלען, אדער רעליגיעזען זאץ.

מיט איין ווארט: יעדער פאטער און יעדער מוטער — נישט קוקענדיג אויף דער מאטעריעלער לאגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך, קענען איינארדנען פאר זייערע קינדער א שפיעל צימער, אדער אפטיילען זיי א ווינקעל אין א צימער, איינצוארדענען פאר זיי שפיעלכלעך, צוגעפאסט צו זייער עלטער.

עס איז נישט נויטיג צו זיין רייך הערצו. און ווינציג איז דאס זעהר און זעהר.

הומאר און וויץ

א פרוי וואס זוכט בילדונג

פרוי (צום מאן, וואס איז געקומען ווי א זייגער ביי נאכט) — שוין געקומען? היינט איז שוין דאס דריטע מאל דאהיינטיגע וואך, ווי דו קומסט צוויי א זייגער ביי נאכט.

מאן — מיין גאט! ווי ווערט דיר ניט מיאוס אזוי שפעט אין דער נאכט באשעפטיגען זיך מיט סטאטיסטיק!

פארטאג

פאליסמאן (צו איינעם וואס ער האט געפונען ליגען אויפ'ן סטריט) — וואס ווכט איהר דא?

שיכור — דעם וועג אהיים, ליעבער הערר.

א געוויזענער לאנדסמאן

משה — דו ווייסט מיר'ן ראבינ־ען באהר א גאסט ביי אונז, אונזער'ן א לאנדסמאן, און דערצו נאך א געוועזענער אי'תלין'ער?

אהרן — מיינסט אודאי אונזער דראפנעזעצטען קייזער.

הור הרובין

צי וואס?

בארים — צו וואס איז ניקאליי געווען אזא געפעהרליכער "דעספאט"?

מארים — צום פאלק!

לעהרער — פאר וואס רופט מען די פאראורטיילטע צום טויט "ארימע זינדער"?

שילער — ווייל רייכע זינדער פעראורטיילט מען ניט.

שדכן — הערר קאהן, איך האב פאר אייך א גוטען שידוך, די כלה האט 20 טויזענד.

קאהן — אויף וואס פאר א פוס הינקט זי?

היינטמאדיש

הערר — דארף איך פרעגען, גנעדיגע, אויב אייער הארץ איז נאך פריי?

דאמע — מיין הארץ איז פריי, אבער מיין האנד ניט מעהר.

א קינד'ס אנטווארט

פאטער (צום קליינעם זוהן) — וויי־טער א בארבאן! די מאמע האט עס דיר געקויפט, אום דו זאלסט מיר שטערען אין מיין ארבייט?

זוהן — ניין, פאפא, איך וועל ניט פייקען ווען דו וועסט ארבייטען, נור ווען וועסט שלאפען.

דער קלוגער פלימעניק

די ביידע קאזינס הופער און מילער האבען זייער רייכע טאנטע צום באהן בעגלייטעט. יעדער האט זיך געסטארעט דער טאנטע בעסער צו געפעלען און האבען זי מיט אלע קרעפטען געשמייכעלט. אלס עס איז צום אבשיעד געקומען, איז מילער שנעל צוגעלאפען, דער טאנטע אין וואגאן אריינצושטייגען צו העלפען.

— זעהסטו — האט זי צו הובער'ן געזאגט — ווי גאלאנט דיין קאזין איז, דיר וואלט דאס גאר ניט איינגעפאלען!

מילער האט טריאומפירט און האט שוין גערעכענט, דאס ער האט זיין פארטנער אין דער ירושה פון וועג אפגעראמט.

דא האט הובערט געזאגט:

— אבער ליעבע טאנטע, דו ביסט דאך נאך יונג גענוג, אום אליין אין וואגאן אריינשטייגען!

ווען די טאנטע האט שפעטער געמאכט א צוואה האט זי הובער'ן א גרעסערן חלק ירושה אפגעשריעבען.

ער סטרייקט

שמואל — וואס איז די אורזאכע וואס דו געהסט ארום ליידיג?

יחיאל — איך סטרייק.

שמואל — וואס הייסט דו סטרייקסט גם האבען דאך שוין געסעטעלט אלע באסעס מיט די ארבייטער?

יחיאל — איך סטרייק ניט מיט'ן באס נור מיט מיין ווייב; זי וויל איך זאל ארבייטען, און איך וויל ניט...

ב. נודעלמאן.

דער סיום הש"ס אין אמעריקא

שלוס פון זייט 5

יעדער אמעריקאנער איד, זאגאר די יעניגע וועלכע שטעהען ווייט פון תלמוד, מעגען זיך דאריבער פרעהען מיט דעם גרויסען סיום הש"ס אויף דיעזן קאנטינענט; דער תלמוד איז אזוי אייביג און אונבאזיגבאר ווי דאס גאנצע אידישע פאלק און אישראל וואו דער תלמוד מאכט זיך זיין נייע היים, אי עס אויך די נייע בעסטע היים פאר'ן אידענטום ווייל אויב דער תלמוד זאל שוין אויף דער גאנצער וועלט קיין היים ניט האבען וואלט עס אויך חלילה זיין דער לעצטער דור פון אידענטום.

דער גרויסער סיום הש"ס אין אונזער היגער היים, ציינט אויף אונזער גייסטיגען און מאטעריעלען ערפאלג; עס צייגט אז מיר זענען שוין ארוים פון אונזער מינדעהרינגקייט און "גרינקייט": דורך דער נייער אויסגאבע פון ש"ס, ווערען מיר עטוואס מעהר ווי נאטוראליזירטע אמעריקאנער בירגער, מיר ווערען אויך נאטוראליזירטע אידען אין אמעריקא, א נאטוראליזירטעס אידענטום אין דיעזער נייער גלות היים.

מיר קענען איצט האפען, אז נאכדעם ווי דער ש"ס איז געקומען, וועט אויך קומען א שטראם פון אידישע געלעהרזאמקייט אין אונזער היגער היים, עס וועלען קומען אמעריקאנער גרויסע אידען, אמעריקאנער אידישע תלמידי חכמים, וועלכע וועלען שטודיהען דעם ש"ס און אפשר אויך אזעלכע וועלכע וועלען איהם באציערען מיט נייע פירושים און חדושים.

די געשיכטע ווידערהאלט זיך און אויך די געשיכטע פון יעדער נייער ש"ס־אויסגאבע ווידערהאלט זיך!

וועגען בית יתומים

אזוי ווי דער בית יתומים איז שוין אפען און עס געפינען זיך שוין 22 קינדערלעך עלענדע, היפלאזע, מאנכע וואס עס פעהלט זיי די מוטער, מאנכע פעהלט זייער פאטער און מאנכע פעהלט ביידע, און יעצט קומט די ריכטיגע פראגע: פון וואנען וועט מען נעהמען די הוצאות אויף אויסצוהאלטען זיי די בארדינגס קאסטען טייער, דער לעבענס מיטעל איז טייער, קליידונג איז געוויס טייער, פון די קינדער קען מען קיין פיעלע געלד ניט נעהמען ווייל זיי שטאמען פון אזעלכע, וועלכע דארפען אליין שטיצע, און דאס פובליקום פון דעטראיט שטעהט זעהר פון ווייטען, עס איז א שאנדע צו זאגען, אז פון די אלע אויף וועלכע מיר האבען געהאפט, ווילען גארניט וויסען, פשוט נערערט מען וויל זיך ניט שיידען מיט עטליכע דאלאר, דער עלענד און ארמוטה פון דיעזע ארימע עופה'לעך מאכט ניט ווייך זייערע שטיינענדע הערצער. די געלט וואס מיר האבען געמאכט ביי דעם חנוכת הבית געהען מיר אפצאלען די הויז אויף די איבעריגע נעמט מען א מארטגיידזש, אלזא בלייבען מיר מיט א פוסטע קאסע, אום עס זאל חלילה ניט קומען צו קיין שלעכטע ענדע האבען מיר געפונען פאר נויטיג צו פארופען א מיטינג פון אלע אידען אין דעטראיט, און איבערהויפט מוזען אלע מעמבערס אנוועזענד זיין ביי דיעזען מיטינג דיענסטאג אווענט דעם 16-טען מערץ אין אוטאפיע האלל, קאר היי און הייסטינגס ניט שפעטער ווי 8 אוהר אווענט, און מיר וועלען ארום רעדען די פראגע ווי אזוי צו זוכען די נויטיגע און שטענדינע שטיצע פאר דעם בית יתומים. געדענקט דעם דאטום פון מיטינג, מארטש דעם 16-טען דינסטאג אווענט, 8 אוהר און אוטאפיע האל, קאר. און היי און הייסטינגס, מיר שיקען צו קיינעם פון די מעמבערס קיינע לעטערס, ווייל מיר ווילען סיהוען געלד און ארבעט, לעזט דעם „וו ע׳נ" ווענט איהר אלעם וויסען, און ניט איבער איינער דעם צווייטען וועגען דעם מיטינג.

מיט אכטונג

בית יתומים

א מיטינג פון בית יתומים ווערט אפגעהאלטען אין

אין אוטאפיע האל

קאר. היי און הייסטינגס

דיענסטאג מארטש דעם 16-טען

אום 8 אוהר אווענט

זייט וויסען אז מיר שיקען ניט מעהר קיינע לעטערס פאר קיין מיטינג, מר לאזען דאס וויסען דורך־דער פרעסע.

פריש ווי פון אויוועו ארויס

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

די איינציגע מצה, וועלכע איז פארזיגעלט אין שטארקע קארטאנס (באקסעס) און געשיצט פון שטויב, פייכטקייט און לופט בלייבט אימער פריש, קרוכלע און בע'טעמ'ט.

Levine Matzo Co.
Agents for Michigan State
Detroit Office 255 Napolion St

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

ציון-קאמאנוועלטה

א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אויסקויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש־ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער ציוניסטישער לאנד־אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אידען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארבייט.

א גרויסע געלעגענהייט, וועלכע קיין איד זאל ניט פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט גערן געבען אלע אויסקינפטע, זיך ווענדען האטעל פאריס־שעלבי.

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
רזשארדזש דזשוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברוידי
בערנארד א. ראזענבלאט

ציון קאמאנוועלטה, 55 — 5טע עוועניו, ניו יארק.

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט ביליגער ווי גע וועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

The only Jewish Paper Printed in Michigan

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 170 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Friday, March 12th 1920 Vol. 2, No. 26

פרייטאג, מארטש 12-טער 1920

דעטראיטער ארעסטירטע ראדיקאלען גיבען אויף הונגער סטרייק

ווי עס איז געווען צו ערווארטען, האט דער הונגער סטרייק, וואס די 215 ראדיקאלען, וועלכע ווערען געהאלטען אונטער ארעסט אין פארט וויין, לאנג ניט אנגעהאלטען און די סטרייקער האבען דינסטאג באשלאסען אויפצוגעבען זייער הונגער-קאמף, נאך א צוויי-טאגיגען תענית.

די 9 הויפט אנפיהרער פון דעם הונגער סטרייק, וועלכע די אימיגריישאן באאמטע האבען באטיטעלט מיט'ן נאמען "סאוועטס" און וועלכע זיינען איבערגעפיהרט געווארען פון פארט וויין אין פאניאק דזשייל, וועלען דארטען בלייבען פאר א געוויסער צייט, ווייל די אימיגריישאן באאמטע געפינען פאר נויטיג, אז די 9 אנפיהרער זאלען בעסער זיין אפגעשיידט פון זייערע חברים.

נייער "קאמוניסטען עליך" געשריי אין דעטראיט

רעגירונגס אגענטען, וואס האבען די אויפגאבע צו "רודפ'ן" סאציאליסטען און סתם ראדיקאלען, און וועלכע גיבען זיך אויסשליסליך אפ מיט מישיגאן סטייט, קענען זיך נאך אלץ ניט באַרוהיגען און האבען די לעצטע עטליכע טעג אנגעפאנגען א נייעם געשריי "קאמוניסטען עליך!"

די דאזיגע אגענטען האבען נעכטען ארויסגעגעבען א סטייטמענט צו די צייטונגען, אז אין דעטראיט געפינען זיך איבער דריי טויזענד קאמוניסטען און אהן א שיעור ראדיקאלען פון אנדערע שולען.

פון ניו-יארק ווערט באריכטעט, אז דארטען האט זיך געגרינדעט א צענטראלע פארטיידיגונגס קאמיטע פאר די ארעסטירטע ראדיקאלען, אונטער דער אנפיהרערשאפט פון ראוז פאסטאר סטאוקס, קארל ע. רוטענבערג, טשארלס ריכטער און דזש. אייאוסטאן.

אין דעטראיטער קאורטס

"ראמעא און דזשוליעט".

אומגעהייער פייערדיג איז די ליבע וואס עס האט זיך אנגעצונדען אין הארצען פון דזשארדזש מעקפערסאן, א קובער אין'ם רעסטאראן פון 19 גריסוואלד סט. פארליעבט האט זיך דזשארדזש אין א "דזשולי"...

סאוועטען בעטען פוילען ניט צומאכען אפענסיווע און פארהאנדלען שלום

ווארשא, מארטש 11. — די סאוועטען רעגירונג האט דינסטאג דורך א ראדיאָ טעלעגראמע איבערגעשיקט א צווייטע שלום-נאטע צום פוילישען אויסערן מיניסטעריום. די נאטע, וועלכע איז אונטערגעשריבען פון טשיטשערין, דעם באלשעוויסטישען קאמיסאר פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען, דריקט אויס א פארלאנג פאר שלום ניט נאר מיט פוילען, נאר אויך מיט אלע גרעניץ-שטאטען.

די סאוועטען רעגירונג ערקלערט אין דער נאטע, דאס די פריהערדיגע פארשלאגען איהרע וועגען שלום זיינען נאך גילטיג און בעט די פוילישע רעגירונג צו באשטימען די צייט און פלאץ פאר דעם צוזאמענקומען פון די שלום דעלעגאטען.

לוצאטי קאנדידאט פון איטאליענישען קאבינעט

רוים, מארטש 11. — די מיטגליעדער פון איטאליענישען קאבינעט וועלען היינט איבערגעבען פרעמיער ניטי זייער רעזיגנאציעס.

דיעזער שריט ווערט געמאכט, כדי דער פרעמיער זאל האבען א "פרייע האנט" אין צוזאמענשטעלען א נייעם קאבינעט.

צווישען די קאנדידאטען, וועלכע ווערען באטראכט אלס מעגליכע מיניסטארען אין דעם נייעם קאבינעט, געפינט זיך דער איד לוצאטי, געוועזענער איטאליענישער פרעמיער. מ'רעכנט, דאס איהם וועט אנגעטראגען ווערען דער פארטפעל פון פינאנץ-מיניסטעריום.

באנדיטישע פרוי בארויבט א מאן אין מיטען גאס

ל. א. דיקסאן פון 64 שארלאט סט., איז דינסטאג שפעט ביינאכט אפגעשטעלט געווארען פון א פרוי, וועלכע האט נעגען איהם אנגעציעלט א רעוואלווער און פון איהם גערויבט 110 דאלאר. דיקסאן זאגט אז ער וויסט ווער די פרוי איז.

באנדיטען טריא אונטער צוויי מארד חשדים

די ארעסטירטע דריי באנדיטען, וועלכע האבען לעצטען מאנטאג בארויבט דעם מיילס טעאטער און אויף וועמען די פאליציי ווארפט א חשד, אז זיי האבען דעם אינשורענס מענעדזשער פון סט. לואיס, טשארלס נ. האדזשערס, ...

קאנגרעס שטימט פאר אן ארמיי פון 300,000

וואשינגטאן, מארטש 11. — אלע פארזוכען צו פארקלענערן די צאהל פון דער פארגעשלאגענער ארמיי פאר די פאראייניגטע שטאאטען אין פרידענס-צייטען זענען געווען ניט ערפאלגרייך. דער קאנגרעס האט נעכטען באשלאסען מיט א מעהרהייט פון דריי-פערטעל, ...

פיפל'ס רעליעף בעט וואלונטירען פאר'ן מיטגלידער קאמפיין

די לעצטע ידיעות, וואס זענען אנגעקומען פון די מלחמה-לענדער אין אייראפא שילדערן א שרעקליכעס בילד פון די הונדערטער טויזענדע אידישע קינדער, וואס זענען געבליבען יתומים דורך דעם חורבן, וואס פריהער די מלחמה און דערנאך די ווילדע פאגראמען, האבען פאראורזאכט אין אידישען לעבען. הונדערטער טויזענדער אידישע קינדער געהען ארום פארהונגערט, נאקעט און בארוועס, אהן מיטלען צו קריגען אירגענד וועלכע ערציהונג...

זאלען די וואלונטירען זיך ווענדען זונטאג אין נאציאנאלען אידישען אינסטיטוט, 204 הענקאק, וואו מ'וועט זיי באזארגען מיט אלעם נויטיגעם פאר'ן מיטגליעדער קאמפיין.

דעטראיטער פיפעלס רעליעף ארגאניזאציע.

איטאליענער פאעט רעדט אין דעטראיט וועגען טרויעריגער לאגע פון די פאמיליעס פון דעפארטירטע רוסען

סטרייק ביי פארק, דייוויס און קא. געענדיגט

דער סטרייק פון די 300 מיידלאך ביי דער פעטענט-מעדיצין קא. פון פארק און דייוויס, וועלכער איז מיט צעהן טעג צוריק ערקלערט געווארען, איז מיטוואך אווענד צוריקגערופען געווארען.

דער סטרייק איז ערקלערט געווארען ווען די פירמע האט ענטזאגט די ארבייטער-מיידלאך א העכערונג פון 10 סענט אויף דער שטונדע. זיי פלעגען באקומען 37 און א האלבען סענט א שטונדע.

פייער ברענגט צעהן טויזענד דאלאר שאדען

מיטוואך אין דער פריה האט אויסגעבראכען א גרויסער פייער אין בייסמענט פון'ם "איסטערן מיט מארקעט" 888 ...

אינגעל איז זיך מודה אין ערמארדען זיין פאטער

19 יאהריגע מיידעל געקידנעפט אין מיטען נאכט

פעט לאמבארדא, 24 יאהר אלט, און מיט צוויי ארויסהעלפער לעצטע מיטוואך 2 א זייגער ביינאכט זיך אריינגעריסען אין הויז פון פרענק דיפיאזא, 337 שערמאן סט., מיט רעוואלווערן אין די הענט און געקידנעפט זיין 19 יאהריגע טאכטער איגנאציא די פיאזא.

ניגער גערעטעוועט פון אן אייגענעם מאב

דזשארדזש האווארד, א ניגער, וואלט שוין איצט ווארשיינליך געווען אויפ'ן עולם האמת, ווען א פאליסמאן קומט ניט אן אין צייט.

די מעשה איז אזוי געווען:

נייל אפגעט'ן זיין פלוגית'טע, ווייל זי צווינגט איהם צו טראגען די קאפאטע ביים עסען

טשארלס ד. סולייוואן, וועלכער איז נעכטען געקומען אין סירקוט קאורט בעטען א גט פאר זיין פלוגית'טע, ...

ניט קיין פרעהליכע פאגעגעניש

איך באפרייעם פון מארד-קלאגע

צוויי פאליסמען פארבייטען זיך מיט זייערע פריזאנערס

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 179 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Friday, March 12th 1920 Vol. 2, No 26 פרייטאג, מארטש 12-טער 1920

דעטראיטער ארעסטירטע ראדיקא־לען גיבען אויף הונגער סטרייק

ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, האָט דער הונגער סטרייק, וואָס די 215 ראַדיקאַלען, וועלכע ווערען געהאַלטען אונטער אַרעסט אין פאָרט וויין, לאַנג ניט אַנגעהאַלטען און די סטרייקער האָבען דינסטאָג באַשלאָסען אויפצוגעבען זייער הונגער־קאַמף, נאָך א צוויי־טאָגיגען תענית.

די 9 הויפט אַנפיהרער פון דעם הונגער סטרייק, וועלכע די אימיגריישאָן באַאמטע האָבען באַטיטעלט מיט׳ן נאָמען „סאָוועט” און וועלכע זיינען אריבערגעפיהרט געוואָרען פון פאָרט וויין אין פאָנטיאַק דזשייל, וועלען דאָרטען בלייבען פאַר א געוויסער צייט, ווייל די אימיגריישאָן באַאמטע געפינען פאַר נויטיג, אַז די 9 אַנפיהרער זאָלען בעסער זיין אָפּגעשיידט פון זייערע חברים.

נייער „קאָמוניסטען עליך” געשריי אין דעטראָיט

רעגירונגס אַגענטען, וואָס האָבען די אויפגאַבע צו רודף׳ן סאָציאַליסטען און סתם ראַדיקאַלען, און וועלכע גיבען זיך אויסשליסליך אָפּ מיט מישיגאַן סטייט, קענען זיך נאָך אַלץ ניט באַרוהיגען און האָבען די לעצטע עטליכע טעג אַנגעפאַנגען א נייעם געשריי „קאָמוניסטען עליך!”

די דאָזיגע אַגענטען האָבען געבראַכט אַרויסגעגעבען א סטייטמענט צו די צייטונגען, אַז אין דעטראָיט געפינען זיך איבער דריי טויזענד קאָמוניסטען און אָהן א שיעור ראַדיקאַלען פון אַנדערע שולען. זיי פאַרזיכערען, אַז טראָץ דעם, וואָס לעצטענס זיינען דאָ געמאַכט געוואָרען אַזוי פיעל אַרעסטען און פיעלע מיטגליעדער האָבען זיך אויסגעשלאָסען פון דער פאַרטיי, ווייל זיי האָבען מורא, אַז מען וועט זיי דעפּאָרטירען, פונדעסטוועגען קומען וועכענטליך צו אַזוי פיעל נייע מיטגליעדער אין די קאָמוניסטישע רייהען, אַז די פאַרטיי אַלס גאַנצע ווערט ניט קלענער, נאָר גרעסער.

און אַזוי ווי לויט א לעצטע פאָראָרדנונג פון׳ם דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר, קען יעדער מיטגליעד, וואָס באַלאַנגט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, גלייך דעפּאָרטירט ווערען, קען מען זיך דאָרום ריכטען אין גיכען צו הערען אין דעטראָיט פון נייע האָלסייל אַרעסטען.

פון ניוּאָרק ווערט באַריכטעט, אַז דאָרטען האָט זיך געגרינדעט א צענטראַלע פאַרטיידיגונגס קאָמיטע פאַר די אַרעסטירטע ראַדיקאַלען, אונטער דער אַנפיהרערשאַפט פון ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס, קאַרל ע. האַטענבערג, טשאַרלס הורבא און דזשי. אייאַוסטאַן.

אַגענטען פון׳ם דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס, וועלכע זיינען יעצט טעטיג אין דעטראָיט פּלאַנעווען נאָכצופאָלגען די מעטאָדען פון׳ם אַטאָרני דזשענעראַל א. מי. פּאַלמער, און דאָס איז פאַרטיילעצען א רחמנות׳לאָזע מלחמה געגען יעדען סאָרט אַגיטאַטאָר, וואָס שטעלט אין געפאַהר די איינגעאָרדנעטע אינסטיטוציעס פון לאַנד. אַלע ראַדיקאַלע מיטינגען ווערען באַזוכט פון אַגענטען. אַרעסטען ווערען געמאַכט אָהן געהייס נאָכדעם ווי די אַגענטען באַריכטען פון דער טעטיגקייט פון מאַנכע פּערזאָנען צו די פעדעראַלע אויטאָריטעטען.

פיפל׳ס רעליעף בעט וואָלונטירען פאַר׳ן מיטגלידער קאַמפּיין

די לעצטע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון די מלחמה־לענדער אין אייראָפּא שילדערען א שרעקליכעס בילד פון די הונדערטער טויזענדע אידישע קינדער, וואָס זענען געבליבען יתומים דורך דעם חורבן, וואָס פריהער די מלחמה און דערנאָך די ווילדע פּאָגראָמען, האָבען פאַראורזאַכט אין אידישען לעבען. הונדערטער טויזענדער אידישע קינדער געהען אַרום פאַרהונגערט, נאַקעט און באָרוועס, אָהן מיטלען צו קריגען אירגענד וועלכע ערציהונג. די פיפּעלס רעליעף פיהלט אַלס איהר חוב צו ראַטעווען דעם אויפקומענדען אידישען דור אין אייראָפּא. דער קאַמפּיין, וואָס ווערט איצט איבער׳ן לאַנד אַנגעפיהרט פון דער פאָלקס הילף אָרגאַניזאַציע צו שאַפען נייע מיטגליעדער און גרויסע סומען געלד, איז הויפּטזעכליך פאַר די „קינדער היימען”.

אין דעטראָיט פאַנגט זיך דיזער קאַמפּיין אָן קומענדיגען זונטאָג. די היגע פיפּעלס אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו שאַפען 25,000 נייע מיטגליעדער. פאַר אַזא גרויסער באַפעלקערונג, ווי ס׳איז דאָס אידישע דעטראָיט, איז דיזע אויפגאַבע ניט צו גרויס און ניט שווער.

ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, דאָס די צאָהל פון קאָמיטעען, וועלכע זענען ביז היינט־צו־טאָג צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פאַר׳ן מיטגליעדער קאַמפּיין, איז ווייט ניט גענוגענד. עס נויטיגען זיך יונגעלייט און מיידלאַך, וועלכע זאָלען וועלען און קענען אָפּגעבען זייער פרייע צייט קומענדיגען זונטאָג, אום צו באַזוכען יעדעס אידיש הויז און מאַכען דאָרטען יעדען אידען, פרוי און מאַן, אַלס מיטגליעדער פון דער פאָלקס־הילף אָרגאַניזאַציע און צו קריגען ביישטייערונגען פאַר׳ן „קינדער־היימען” פאָנד.

די היגע טוער פון דער פיפּעלס רעליעף אַפּעלירט דאַרום צו דער דעטראָיטער אידישער יוגענד, דאָס זי זאָל ניט פאַרגעסען, אַז אָן איהר ווענדט זיך דער גורל פון פיעלע פון די הונדערטער טויזענדער אידישע יתומים אין דער חרוב געוואָרענער אייראָפּא. זיי האָפען, דאָס די דעטראָיטער אידישע יוגענד וועט זיך אָפּרופען מאַסענווייז און מיטהעלפען צו מאַכען דעם קומענדען קאַמפּיין ערפאָלגרייך.

זאָלען די וואָלונטירען זיך ווענדען זונטאָג אין נאַציאָנאַלען אידישען אינסטיטוט, 204 הענקאָק, וואו מ׳וועט זיי באַזאָרגען מיט אַלעם נויטיגעם פאַר׳ן מיטגליעדער קאַמפּיין.

דעטראָיטער פּיפּעלס רעליעף אָרגאַניזאַציע.

איטאַליענער פּאָעט רעדט אין דעטראָיט וועגען טרויעריגער לאַגע פון די פאַמיליעס פון דעפּאָרטירטע רוסען

זונטאָג בייטאָג 2 אזייגער וועט אין אָרענא גאַרדענס, 1253 וואָודוואַרד עוו. פאָרקומען א מאַסען־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער דער באַוואוסטער איטאַליענישער פּאָעט און אַרבייטער טורא דזשיאָוואַנימ… הויפּט־רעדנער…

די מאַסען־פ… פאַררופען מיט׳ן צוועק … וועגען דעם ברייטען אַמעריקאַנעם עולם מיט דער טרויעריגער לאַגע, אין וועלכער ס׳געפינען זיך איצט די פרויען און קינדער פון די רוסישע ראַדיקאַלען, וועלכע זענען פון׳ם לאַנד דעפּאָרטירט געוואָרען. דער איטאַליענישער פּאָעט ווערט ספּעציעל אַהער אַראָפּגעבראַכט פאַר׳ן אַנגעגעבענעם ציעל. ער איז גרינדליך באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די אומגליקליכע רוסישע פאַמיליעס און ער וועט די דעטראָיטער בירגער איבערגעבען דעם אמת וועגען דעם.

אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג וועט אויך רעדען דער באַריהמטער אַרבייטער טוער, דזש. מאַרגאָליס, פון פּיטסבורג.

אינגעל איז זיך מודה אין ערמאָרדען זיין פאָטער

טשיקאַטה, א. מאַרטש 10 — לייטאַן דעוואָולט, 17 יאָהריגער זוהן פון דעם ערמאָרדעטען פאַרמער, סאַאה דעוואָולט, האָט זיך געכטען מודה געווען, אַז ער האָט ערמאָרדעט זיין פאָטער.

אין צייט פון דעוואָולט׳ס טויט, דעם 6־טען פעברואַר, 1919, איז דער באַי געווען דער ערשטער, וואָס איז געקומען מיט די נייעס, אַז ער האָט געפונען זיין טאַטען א טויטען אין שטאַל. ער האָט געזאָגט, אַז זיין טאַטע איז גע׳הרג׳עט געוואָרען פון א פערדס קאָפּיטעל.

דער באַי האָט דערצעהלט, אַז זיין טאַטע האָט איהם געוואָלט שטעכען מיט א מעסער, און אַז גע׳הרג׳עט האָט ער איהם אויס פאַרטיידיגונג.

סטרייק ביי פּאַרק, דייווים און קאָ. געענדיגט

דער סטרייק פון די 300 מיידלאַך ביי דער פּעטענט־מעדיצין קאָ. פון פּאַרק און דייווים, וועלכער איז מיט צעהן טעג צוריק ערקלעהרט געוואָרען, איז מיטוואָך אָווענד צוריקגערופען געוואָרען. אַזוי האָט געכטען ערקלעהרט פראַנק מאַרטעל, ביזנעס אַגענט פון דעטראָיט פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

ווי מר. מאַרטעל גיט איבער, האָט די פירמע צוגעזאָגט די סטרייקענדע אַרבייטער צו העכערען זייער לוין. די ניט־סטרייקער וועלען באַקומען „באָנוס” פאַר בלייבען ביי דער אַרבייט. פאַרשטעהט: פון דער קאָמפּאַני באַריהמט זיך, דאָס די סטרייקערס זענען צוריקגעקומען אויף די זעלבע באַדינגונגען, וואָס זיי האָבען געהאַט פאַר׳ן סטרייק.

דער סטרייק איז ערקלעהרט געוואָרען ווען די פירמע האָט ענטזאָגט די אַרבייטער־מיידלאַך א העכערונג פון 10 סענט אויף דער שטונדע. זיי פלעגען באַקומען 37 און א האַלבען סענט א שטונדע.

די אורזאַכע פון אויפגעבען דעם סטרייק איז, לויט מר. מאַרטעל׳ס ערקלעהרונג, דער פאַקט, וואָס די צאָהל סטרייקערס איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג קלענער.

פייער ברענגט צעהן טויזענד דאָלאַר שאָדען

מיטוואָך אין דער פריה האָט אויסגעבראָכען א גרויסער פייער אין בייסמענט פון׳ם „איסטערן מיעט מאַרקעט” 388 זאי סט., וועלכער האָט באַלד אַרומגענומען דעם גאַנצען בילדינג און אָנגעמאַכט אויף 10 טויזענד דאָלאַר שאָדען.

צוויי שטונדען האָבען פייערלייט געאַרבייט אַרום דעם פייער. קיינע מענשליכע קרבנות זיינען גליקליכערווייזע ניט געווען.

דער מאַרקעט איז געווען פאַרנומען פון 15 פאַרשיעדענע פלייש־סוחרים. דער בילדינג איז בלויז לייכט צושעדיגט, אָבער אַלע סחורות, וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען קענען שוין יעצט צום מאַרק ניט געשטעלט ווערען.

אין דעטראָיטער קאָורטס

„ראָמעאָ און דזשוליעט”...

אומגעהייער פייערדיג איז די ליעבע וואָס עס האָט זיך אַנגעצונדען אין הארצען פון דזשאַרדזש מעקפעדראַ, א קובער אין׳ם רעסטאָראַן פון 19 גריסוואָלד סט. פאַרליעבט האָט זיך דזשאָרדזש אין א נויהר, וואָס פאַרנעהמט זיך מיט וואַשען פלאָרס. … פּאַסירט לעצטען מיטוואָך, 4 אזייגער באַנאַכט, ווען זיין „סוויטהאַרט” איז געווען פאַרנומען אין וואַשען די פּאַדלאָגעס פון א גרעשאָם עוו. טעאַטער, איז ער פּונקט דעמאָלט געקומען איהר אַנטפּלעקען דעם גרויסען סוד, אַז אָהן איהר איז זיין לעבען ניט ווערט א גיבערע, וואָס מ׳בראַנגט אַריין אין א „סמאָל סטייק”...

איז אָבער א צרה, וואָס זיין געליעבטע איז ניט געווען גוואַלדיג ראָמאַנטיש געשטימט יענעם פריה־מאָרגען און האָט איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז קיין מעהר ראָמאַנטישע זאַך ווי רייניגען פּאַדלאָגעס איז אויף דער וועלט ניטאָ, און אויב ער וויל עס ניט גלויבען, וועט זי עס איהם איבערצייגען.

און — — אויף די העכסטע אָקטאַוועס האָט זיך ס׳מיידעל, אָדער די אַלמנה צושריהען:

„פּאָליס! פּאָליס!” איז אַריין א פּאָליסמאַן, אַנגענומען דעם פאַרליעבטען קובער ביים קאָלנער און איהם געמאַכט פאַר א מאַרטירער אויף דעם מזבח פון דער ליעבעסגעטין.

געקומען אין פּאָליס־קאָורט, האָט דזשאָרדזש קאַטער אויסגעהערט די מעשה און זיך אָפּגערופען בזה הלשון:

„איך וויל נאָר, אַז מ׳זאָל אַזא ראָמעאָ אַריינזעצען אונטער די דיקע ווענד פון פּריזאָן, זאָל ער זיך געהן געוואוינען צו טעהטיגקייט און ווייטער טרוימען זיין זיסען ליעבעס טרוים און ווייטער שפּיעלען „סערענאַדעס צו זיין דזשוליעט”...

ניט קיין פרעהליכע באַגעגעניש

ווען איינער א געוויסער העררי א׳ ברייען איז געכטען פאַרגעבראַכט געוואָרען פאַר דזשאַדזש קאַטער אויף דער קלאַגע פון שכרות, האָט ער גע׳טענה׳ט, אַז זינט ער לעבט, איז ער צום ערשטען מאָל אין א קאָורט, און אַז מר. קאַטער איז דער ערשטער דזשאַדזש וואָס ער זעהט אין זיין לעבען.

„אי עם פּליעזד טו מיט יו” — האָט זיך דזשאַדזש קאַטער אָפּגערופען — „אָבער זיי וויסען אַז די באַגעגעניש וועט דיר קאָסטען א שטראָף פון $5”.

איז באַפרייעט פון מאָרד־קלאַגע

אירווינג אייזענבערג איז מיטוואָך אין רעקאָרדערס קאָורט געפונען געוואָרען ניט שולדיג, אויף דער קלאַגע, אַז ער האָט ערמאָרדעט דזשאָהן שטאַצקי, אין דער־נאַכט פון סעפּטעמבער דעם 7־טען, 1919.

עס איז באַוויזען געוואָרען, אַז שטאַצקי מיט זיינע חברים האָבען יענע נאַכט געשטערט די אָרדנונג נעבען אייזענבערג׳ס היים, און אייזענבערג, דענקענדיג, אַז זיינע א פריינד ווערט געשלאָגען, איז ער אַרויסגעלאָפען מיט א רעוואָלווער.

די חברה זיינען איהם דעמאָלט באַפאַלען און געוואָלט דעם רעוואָלווער אַרויסרייסען און אין מיטען דעם געשלעג האָט דער רעוואָלווער אויסגעשאָסען און געטראָפען טשאַצקי׳ן אין ברוסט.

צוויי פּאָליסלייט פאַרבייטען זיך מיט זייערע פּריזאָנערס

מיטוואָך אָווענט איז איינער א וויק וואַסילי אַרעסטירט געוואָרען פון פּאָליסמאַן קאַלדוועל, ווייל ער איז געשטאַנען פון ווי ס׳פּאָליסמאַן פאָלען הינטער׳ן זיין גאַס־וואַגאָן און ער וויל מיט זיינע וויינען מיט׳ן „האוז אוו קאָרעקשאָן” אין געשריען אויף דער „אָבערציע” אין א שפּראַך וואָס דער פּאָליסמאַן האָט ניט געקענט פאַרשטעהן.

ווען דער אָפיסער איז צו איהם צוגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס ער וויל מיט זיינע־געוואַלדען, האָט ער איהם געענטפערט: „ראַנט באָדער מי”!

דעם זעלבען אָווענט האָט פּאָליסמאַן בענער אַרעסטירט א געוויסען דזשאָהן פּראָסיק, אויך פאַר שטערען די אָרדנונג.

ווען וואַסילי איז געכטען געבראַכט געוואָרען צום משפּט, איז פּאָליסמאַן בענער, וועלכער האָט אַרעסטירט פּראָסיק׳ן געגאַנגען עדות זאָגען געגען וואַסילי׳ן און דער אַנגעקלאָגטער איז באַשטראָפט געוואָרען מיט $10. באַלד נאָכ׳ן טרייאַל איז פּאָליסמאַן בענער אַרוים פון קאָורט און ווען פּראָסיק איז פאַרגעבראַכט געוואָרען האָט פּאָליסמאַן קאַלדוועל געזאָגט אַז פּראָסיק איז ניט זיין פּריזאָנער, ער קען איהם גאָר ניט. זיין פּריזאָנער איז גאָר וואַסילי. און ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם מאַן וואָס איז געשטאַנען ביי דער קאַסע און באַצאָהלט די $10.

„דאָס איז זעהר שעהן — האָט דזשאַדזש קאַטער געזאָגט — איך וועל רעדען וועגען דעם מיט׳ן פּאָליס־קאָמישאָנער, ווייל אויב דאָס מאָל איז עס ניט אַזוי געפעהרליך קען עס ברענגען צו גרוים געפאַהר א צווייטען מאָל”.

„ירע שור את קונהו” — דער אָקס ווייס ווער זיין אייגענטימער איז, נאָר א דעטראָיטער פּאָליסמאַן קען אַפילו זיין פּריזאָנער ניט דערקענען...

סאָוועטען בעטען פּוילען ניט צומאַכען אָפענסיווע און פאַרהאַנדלען שלום

וואַרשאַ, מאַרטש 11. — די סאָוועטען רעגיערונג האָט דינסטאָג דורך א דראַטלאָזע טעלעגראַמע אַריבערגעשיקט א צווייטע שלום־נאָטע צום פּוילישען אויסערן מיניסטעריום. די נאָטע, וועלכע איז אונטערגעשריבען פון טשיטשערינען, דעם באָלשעוויסטישען קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען, דריקט אוים א פאַרלאַנג פאַר שלום ניט נאָר מיט פּוילען, נאָר אויך מיט אַלע גרעניץ־שטאַטען.

די סאָוועטען רעגיערונג ערקלעהרט אין דער נאָטע, דאָס די פריהערדיגע פאָרשלאָגען איהרע וועגען שלום זענען נאָך גילטיג און בעט די פּוילישע רעגיערונג צו באַשטימען די צייט און פּלאַץ פאַר דעם צוזאַמענקומען פון די שלום דעלעגאַטען.

פּוילען ווערט געבעטען אָפּצוהאַלטען זיך פון אַן אָפענסיווע; דערביי ערקלעהרט די מאָסקוואַ׳ר רעגיערונג דאָס, וואָס זי האָט קאָנצענטרירט סאָלדאַטען אויף דעם ליטווישען און ווייס־רוסישען (ווייסרוסישען?) פראָנט איז געווען צוליעב דעם וואָס זי האָט מורא געהאַט, אַז פּוילען האָט זיך געריכט צו מאַכען אַן אָנפאַל אויף אוקראַינע.

די וואַרשאַווער צייטונגען גלויבען, דאָס די פּוילישע רעגיערונג וועט צו ענדע פּרעסען די שלום פּראַפּאָזיציע מיט דער פאָדערונג אַז די באָלשעוויקי זאָלען קומען צו …

דער פון ריגען מאָנאַט זיין צוגעגרייט צו פאַרהאַנדלען דירעקט מיט די באָלשעוויקעס דעם ד׳ שלום באַדינגונגען. פּרעזידענט פּילסודסקי און אויסערן מיניסטער פּאַטעק האָבען געהאַט א קאָנפערענץ וועגען דעם באָלשעוויסטישען שלום־פאָרשלאַג.

באַנדיטישע פרוי באַרויבט א מאַן אין מיטען גאַס

ל. א. דיקסאָן פון 64 שאַרלאָט סט., איז דינסטאָג שפּעט ביינאַכט אָפּגעשטעלט געוואָרען פון א פרוי, וועלכע האָט געגען איהם אַנגעציעלט א רעוואָלווער און פון איהם גערויבט 110 דאָלאַר. דיקסאָן זאָגט אַז ער ווייסט ווער די פרוי איז.

לוצאַטי קאַנדידאַט פון איטאַליענישען קאַבינעט

רוים, מאַרטש 11, — די מיטגליעדער פון איטאַליענישען קאַבינעט וועלען היינט איבערגעבען פּרעמיער ניטי זייער רעזיגנאַציעס.

דיזער שריט ווערט געמאַכט, כדי דער פּרעמיער זאָל האָבען א „פרייע האַנט” אין צוזאַמענשטעלען א נייעם קאַבינעט.

צווישען די קאַנדידאַטען, וועלכע ווערען באַטראַכט אַלס מעגליכע מיניסטאָרען אין דעם נייעם קאַבינעט, געפינט זיך דער איד לוצאַטי, געוועזענער איטאַליענישער פּרעמיער. מ׳רעכנט, דאָס איהם וועט אַנפערטרויט ווערען דער פּאָרטפעל פון פינאַנץ־מיניסטעריום.

באַנדיטען טריא אונטער צוויי מאָרד חשדים

די אַרעסטירטע דריי באַנדיטען, וועלכע האָבען לעצטען מאָנטאָג באַרויבט דעם מיילס טעאַטער און אויף וועמען די פּאָליציי וואַרפט א חשד, אַז זיי האָבען דעם אינשורענס מענעדזשער פון סט. לואיס, טשאַרלס נ. האַרדזשערס, וועלכער איז געפונען געוואָרען א טויטער אויפ׳ן טראָטואַר נעבען האָטעל טיילער, אַרונטערגעוואָרפען פון 9טען פלאָר, נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם באַרויבט, ווערען אויך יעצט פאַרדעכטיגט אין ערמאָרדען מאָריס ראַפּאַפּאָרט לעצטען שבת אָווענט אין ווינדזאָר.

איינער פון די באַנדיטען, דזשאַרדזש א. בראַון, האָט אין זיין נאָטיץ־ביכעל, וואָס איז אונטערזוכט געוואָרען פון דער פּאָליציי, אַריינגעשריבען דעם נאָמען „ראַפּאַפּאָרט”. און ווען אינספּעקטאָר וויליאַם גוד האָט איהם געפרעגט צו ער איז לעצטענס געווען אין ווינדזאָר, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז דאָרטען געווען לעצטען שבת. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט און געזאָגט, אַז ער האָט געמאַכט א טעות. ער איז ניט געווען אין ווינדזאָר, נאָר אין פּאָנטיאַק.

אינספּעקטאָר וויליאַם גוד האָט אויך די אַרעסטירטע געפרעגט, אויב זיי ווייסען עפּעס מכח דעם מאָרד פון טשאַ. נ. האַרדזשערס. האָבען זיי געענטפערט, אַז זיי האָבען זיך פון דיזען מאָרד ערשט דערוואוסט ווען זיי האָבען געלייענט דעם וועגען אין די צייטונגען.

דער דעטראָיטער מענעדזשער פון דער קענשועלטי קאָמפּ. האָט אַרויסגעגעבען אַן ערקלעהרונג, אַז איהם לעגט זיך ניט אויפ׳ן שכל, אַז האַרדזשערס זאָל האָבען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט — זאָגט ער — ניט געהאַט קיין אורזאַך דערצו. ער איז געווען ערפאָלגרייך אין געשעפט און זעהר לעבענס־לוסטיג.

קאָנגרעס שטימט פאַר אַן אַרמיי פון 300,000

וואַשינגטאָן, מאַרטש 11, — אַלע פאַרזוכען צו פאַרקלענערען די צאָהל פון דער פאַרגעשלאַגענער אַרמיי פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען אין פרידענסצייטען זענען געווען ניט ערפאָלגרייך. דער קאָנגרעס האָט געכטען באַשלאָסען מיט א מעהרהייט פון דריי פערטעל, דאָס אַמעריקא זאָל האָבען א שטעהענדיגע אַרמיי פון 299,000 ענליסטעטע סאָלדאַטען און 17,820 אָפיצערען.

דיזער באַשלוס באַדייט, דאָס די רעגולערע אַרמיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען וועט זיין שטאַרקער מיט גאַנצע הונדערט טויזענד מאַן, ווי דאָס איז פאַרגעשריבען געוואָרען אינם נאַציאָנאַלען פאַרטיידיגונגס אַקט פון יאָהר 1916.

די, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטען פאַר א קלענערע אַרמיי, האָבען זיך געשטיצט הויפּטזעכליך אויף דער ניט־ראַטזאַמקייט פון מאַכען צו גרויסע אויסגאַבען פאַר מיליטערישע צוועקען.

דער קאָנגרעס האָט נאָכ׳ן שטימען וועגען דער צאָהל פון דער אַרמיי זיך אַריינגעלאָזט אין לאַנגע דעבאַטען וועגען פאַרשיעדענע דעטאַלען פון׳ם אַרמיי ביל. ווי ס׳זעהט אוים וועלען די דעבאַטען פאַרנעהמען איינינע טעג און דער ביל וועט ניט אַרורכגעהן פריהער ווי אָנפאַנג פון קומענדע וואָך.

19 יאָהריגע מיידעל געקידנעפּט אין מיטען נאַכט

פּעט לאַמבאַרדאַ, 24 יאָהר אַלט, איז מיט צוויי אַרויסהעלפער לעצטע מיטוואָך 2 א זייגער ביינאַכט זיך אַריינגעריסען אין הויז פון פראַנק דיפּיאַזאַ, 337 שערמאַן סט., מיט רעוואָלווערען אין די הענט און געקידנעפּט זיין 19 יאָהריגע טאָכטער איגנאַציא די פּיאַזאַ.

מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער האָבען דעטעקטיווס געפונען לאַמבאַרדאַ׳ן מיט דער פרייליין אין 922 ווילים סט. ביי לאַמבאַרדאַ׳ס קרובים.

ער איז גלייך אַרעסטירט געוואָרען, און איינער א טאָני לעאָן, וועלכער האָט — ווי די פּאָליציי גלויבט — געהאָלפען לאַמבאַרדא׳ן אין דער אַרבייט, איז אַרעסטירט געוואָרען נעכטען פריה.

ניגער געראַטעוועט פון אַן אויפגערעגטען מאָב

דזשאָהרדזש האָוואַרד, א ניגער, וואָלט שוין איצט וואָרשיינליך געווען אויפ׳ן עולם האמת, ווען א פּאָליסמאַן קומט ניט אָן אין צייט.

די מעשה איז אַזוי געווען:

ווען די אַרבייטער פון דער טימקין דעטראָיט אַקסעל קאָמפּאַניע האָבען פאַרלאָזט די פאַקטאָרי, האָט האָוואַרד זיך צוגעשאַרט צו איינעם פון די אַרבייטער און גענומען רוקען די הענד אין זיינע קעשענעס. באַלד איז געוואָרען א געשריי: „פּיק פּאָקעט!” און דער מאָב האָט געוואָלט ניט אַנדערש נאָר לינטשען דעם ניגער.

פּאָליסמאַן סטראַשבורג איז פּונקט אָנגעקומען אויף יענעם פּלאַץ און ווען ער האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסען פון זיין רעוואָלווער, איז דער מאָב זיך צעגאַנגען.

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דיימאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

צוויי סטאר פליס בילדינג צו פארקויפען; 2 סטארס און 2 פלעטס אויבען; נוטער געגענד פאר לייידים און דזשענטס פארנישינגס; קענפיעלד עוו. איסט; פרעגען: מעין 1025 14

לענדלארדס איפמערקזאם! מיר פארלאנגען הייזער צו פארקויפען ענטווער ארדער ליסען. מיר שטעלען צופרידען. רופט טשערי 8054 481 ענטווין סטריט.
הערריס און לואיס
ריעל עסטייט עקסטשיינדש

פארלאנגט א מיידעל אדער פרוי פאר הויז ארבייט. גוט געצאהלט צו דער ריכטיגער פערזאן. 127 לעדיארד סט. טעל. גלענדייל 1304 11)

איין אנפאנגער פידעל צו פארקויפען זעהר ביליג. ביי ב. וואלדמאן, 856 הייסטינגס, קאר. גארפיעלד 11)

קאלעקטאר פארלאנגט פון חסד של אמת, א פעהיגער אינטעליגענטער מענש וועט קריעגען גוט באצאלט. זיך ווענדען, צום סופעראינטענדענט מר. איצקאוויטש, 66 ברוסטער סט. א גאנצע וואך.

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר-בייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי-טערארישע אוונטען קאנצער-טען, פארטיעס און חתונות. ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

פארלאנגט סיעם פרעסערס פאר פענטס, גוטע וויידזשעס, סטעדי ארבייט.
וויין בראדערס עט קא.
124-126 רזשעפערסאן עוועניו
ביטווין גריזוואלד און שעלבי

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ-שמערצען אדער נערוועזיטעט דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ניטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
נעהם צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשולערי סטאר.

ווארע ביליג פאר סטאר-קי-פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קווילטענס, פענסי דרייגודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

דזשולערי סייל
אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע
זייגערס
מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.
רינגען
גאלדענע בראטשעס מיט אמתע קעמיאס ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע
קדושין רינגלאך
גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען
The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויטער.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל
אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.
פריימס, באדים, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיענעמעלד.
רעדאיטארס פעריכט און אבערגעבילד, און עקסטשעדזשעט
Michigan Radiator & Fender Repair Co.
723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 776

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשוי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
הייסטינגס סט.

VIENNA SAUSAGE MFG. CO. Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages, Smoked & Pickled Beef, Tongues, Etc.
1215-1217 S. Halsted St. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשוי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באעלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

צוויי מאל איז שטארקער
ס'איז שוין אפיציעל באשטעטיגט געווארען, אז אדמיראל קאלטשאק איז ערמארדעט געווארען.
ארימער מענש! וועניג פאר איהם, וואס מ'האט איהם אונאפיציעל דער'הרג'עט, האט מען איהם נאך איצט אפיציעל אויך דער'הרג'עט!
ס'איז שרעקליך!

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעסיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין. פראפ.

פארלאנגט אגצונעמען סוב-סקרייבער פאר'ן "וועג". ליבע-ראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון "וועג".

קוואסעלאוו און קאטליערס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס פורנישינגס, נויי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 3595 ראבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט אש און גארבעדזש, סעמענט רעספטיקעלס, ווייל פון 1טען מארטש ווערט די פרייז געהעכערט
ווארט ניט ביז די באארד און העלט וועט אייך באדערען.

JUDGE GAINEY

HAVANA CIGARS
NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 1170

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע
ראמאן פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

דער צופאל איז אזוי געווען: אין דער גאסטיניצע וואו ער האט זיך געפונען האבען זיך אמאל אבגעשטעלט א גאנצע באנדע סוחרים פון די אומגליקליכע צעהן מאל אומגליקליכע מיידלאך, און ווי עס איז באקאנט טראנספארטירען זיי געבעדיגע סחורה גלייך קיין קאנסטאנטינאפאל. אדעס איז דער גלאווע פארט פאר זייערע סחורה, די לייט האבען זיך מיט זייערע סודות פארטרויט פאר דעם גלאוונע משרת פון דער גאסטיניצע. לעדערבארג האט דא אודאי און אודאי גע-וויזען זיינע שטענדיגע פעהיגקייט צו אזוינע געשעפטען און אין א קליינער צייט איז ער ביי זיי געווארען איינער פון זייער אדעסער קאמיסיאנערען און שפעטער ווען ער איז געוואהר געווארען דעם גאנצען גאנג מיט אלע פארבארגענע ער-שער פי דיא געשעפטען איז ער געוואלען אליין א זעלבסטשטענדיגער סוחר מיט אלערליי באזונדער אגענטן. דנסטמאל האט ער זיך אבגעזאגט זיין שטעלע. ער האט חתונה געהאט פאר אן עהרליך דינגסט-מיידעל און איז געווארען אליין א באלע-באס. פריהער האט ער געוואינט אביסעל ענגליך, נאך דערנאך ווען דיא געשעפטען האבען אנגעהויבען געהן בעסער, האט ער אנגעהויבען וואהנען גערוימער און שעה-נר און היינט איז ער שוין אייך באקאנט וואהנט ער אויף דער קאנאטנא.

חוץ דעם מסחר וואס ער פלעגט זיך שטענדיג דערמיט פארנעמען, האט ער אויך געפיהרט זיינע אלטע באקאנשאפט מיט דיא ורחים אין אדעסער איינוואהנער וואס פלעגען אמאל נויטהיג האבען צו איהם. פון דעם פאך באקאנטשאפט פלעגען איהם נאך אלע מאל צוקומען גייע. ער פלעגט זיך אליין שטענדיג נאכיאגען נאך אזוינע באקאנשאפטען ווי דער וואלף נאך די שעפעלעך. למשל. ווען לעדערבארג, האט באמערקט א גבירישע קינד א יונגען מאן בלוט און מילך וואס האט ליב צו לעבען און זשאלעוועט ניט דעם טאטענס רייכקייט, פלעגט לעדערבארג אלע וועגען זוכען ביז ער האט זיך מיט איהם באקאנט און צוזאגען איהם די בת מלכה און ווען יענער איז שוין אריינגעפאלען צו איהם איז ער שוין אזוי גיך ניט ארויס ער פלעגט די רייכע יונגע לייטבייטשען אין אלע נויטהען, אפילו ווען זיי האבען נויטהיג געהאט געלד, האט ער זיי אויס-געזוכט, אייך ועקסלען מיט יונקערסקע פראצענט האבען, זיי ניט באצאהלט האבען די עלטערען געמוזט באצאהלען. ער האט אויך געמאכט עטליכע באקאנטע גבירים אלטע לייט וואס פלעגען שטענדיג נויטהיג האבען אזא גובערנאנטקע פאר די קינדער וואס זאל אויך קענען זיין א באלעבאסטע ביים אלטען גביר אין שטוב, אויף אזוינע גובערנאנטקעס פלעגט לעדערבערג זיין זייער שטענדיגער מעקלער.

חוץ דעם איז ער נאך געווען א גרויסער בעל טובה פאר אנדערע מענשען, למשל ווען קיין אדעס איז אראבגעקומען א פרעמדע טרופע אקטריסעס און ניט געהאט מיט וואס אוועקצופאהרען, פלעגט לעדרבארג באלד געבען זיי אויסוואקסען ווי אונטער דער ערד און זיי העלפען אזוי לאנג ביז זיינע האבען זיך שוין פון איהם ניט געקענט אויסקויפען און גיך אזוינע וואס האבען זיך געפונען אין א נויטה פלעגט ער שטענדיג מיטהעלפען זיינע אלע געשעפטען וואס איך האב דא אויסגערעכנט פלעגט ער אליין זעלטען טאן, אלס פלגט אבגעטאן ווערען דורך זיינע אלערליי אגענטען

ער אליין פלעגט נאר אופראווליאיען — ווער שמועסט, שפעטער ווען ער איז שוין רייך געווארען פלעגט אלעס געטאן ווערען דורך אנדערע הענד, וועלכע האבען ביי איהם באקומען א גוטען פראצענט

אוי האלע קליינע און גרויסע הוצאות פלעגט לעדערבערג געבען באזונדער זיינע אגענטען זענען באשטאנען פון א סך יונגע לייט מיטעלע ווייבער און נאך מעהר פון אלע, אלטע ווייבער וואס האבען א פנים ווי פרומע גבאיטעס במעט אלע משרתים פון אדעסער גאס-טיניצעס זענען געקויפט און געבונדען מיט לעדערבארגס אגענטען; לעדערבערג האט אויך א סך שותפים, איינע געפינען זיך טאקע אין אדעס, עטליכע אין קאנ-סטאנטינאפאל, נאך נאך מעהר זענען צ-שיקט אויף דער פראווינץ די זענען דיא "חאוורים" די אמתע חיטרע פוקסען וואס פארנארען די אומגליקליכע שעפע לאך

(פארטזעצונג פאלגט)

INJECTION BROU
די נייעסטע פעראנדלונג
ריזולטאט — שנעל — עפעקטיוו
פיר די הארטנעקיגסטע פעל
פערקויפט ביי אלע דראגיסטען

ווילט איהר סייווען 30 פראצ.?
ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום, ראגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נע מאכט נאר פון רייגער האוואנא. פרייזען היינט א רוראנא. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דר ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CICAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר-קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
רעוי פלאין פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

דער באוואוסטער ר.
ל. ד. רייבליך
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע צופרידענהייט.
5?/ קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אייגענעם אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווי קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס קאנטארס, שעלווס, סייפס, בוטשער ערדזשיסטערס, נייע און געניצטע פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עם.

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר פיינטינג, פעפער העננגינג דעקאריישאן און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען.

ווילט איהר אייערע שלעסער, שליסלען קארפעט-סוועפער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלמסט.

האט איר ריעל עסטייט
צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפע פאר דער העכסטער פרייז דורך די "צו פארקויפען" אדס פון "וועג"

Phone Main 3715

אינטעליגענטע

ראמאן פון: י. ל. מאלאמוט

— איך, האב דיך געליעבט ריין און ערליך. איך האב דאך אזוי אונשולדיג געליעבט און גע'חלומ'ט פון דער צוקונפט. איך בין איהם געווען איינגעגלויבט ווי אין א גאט און האב געהאפט, אז מיט איהם וועט דאס לעבען זיין א שעהנע פאנטאזיע. וואס זשע איז דאס קינד שולדיג? — פלעגט זי טראכטען אין אזעלכע מאמענטען. — עס וועט דאך קומען אויף דער וועלט מיט די זעלבע נאַטירליכע רעכט ווי יעדעס קינד!

די דאזיגע געפיהלען האבען זיך וואס ווייטער אלץ שטארקער ענטוויקעלט ביי איהר און די געדאנקען האבען זיך איינגעגעסען אין איהר מוח.

זי האט אנגעהויבען ארויסגעהן אויף דער וועראנדא, פלעגט זיך צופוטצען ווי געהעריג איז און די מוטער איז געוועזען העכסט גליקליך, וואס איהר קינד איז געזונט געווארען. נור דאס וואס זי האט אנגעהויבען אויסמיידען די גאס און איבערהויפט וואס זי האט אויפגעגעבען די לעקציעס איהרע האט די מוטער שטארק בעאונרוהיגט.

— אניוטא, ווארום האסטו עפעס אויפגעהערט צו לערנען זיך זינגען? — האט די מוטער זי איינמאל א פרעג געטאן בעת אניוטא איז אריינגעקומען פון גאס, האט אנגעהויבען זינגען א טרויעריגע מעלאדיע. נור איז באלד אנשווייגען געווארען, מורא האבענדיג אז די מוטער זאל ניט מאכען א באמערקונג וועגען דער טרויעריגקייט פון איהר טאן.

אניוטא האט געשוויגען. נור די מוטער האט געווארפען אויף איהר א פערדעכטיגען בליק.

— ס'איז עפעס ניט דיין טבע צו זיין אזוי פערזארגט, אניוטא! — האט די מוטער ווייטער גערערט.

— מאמעניו! פרעג מיך ניט! — האט זי שטיל ארויסגערעדט און האט מיט אלע קרעפטען זיך באהערשט ניט אויסצוברעכען אין א געוויין. זי האט געפיהלט ווי ארויפצופאלען פאר דער מוטער אויפ'ן האלז און זיך שטארק, שטארק אויסוויינען. זי האט דאס אבער ניט געטאן, ווייסענדיג, וואס פאר שמערצען זי קען דערמיט איהר מוטער פערשאפען.

— עס קריכט מיר ניט אין קאפ אין מעהר קיין זינגען. — האט זי א זאג געגעבען און די מוטער, אפראסטפשוט'ע אידענע, פון דער אלטער אידישער וועלט האט א טראכט געטאן:

— שוין א גרויס מיידעל. זי טראכט שוין מן הסתם וועגען א שידוך! — און ברכה, אלס א מאמע, וואס וואלט שוין טאקי וועלען זעהן נחת אין איהר בת יחידה, האט מיט די אויגען אנגעהויבען מעסטען אניוטאן פון די פיאטעס ביז'ן שפיצקאפ און פלוצלונג איז ברכה'ן קלאהר געווארען די גאנצע זאך.

— א הונער'האט מיך ניט דערשלאַגען! — האט די מוטער א געשריי געטאן און זי איז צוגעלאפען און האט אריינגעקוקט אניוטאן אין די אויגען אריין, אריינשרייענדיג איהר בלויז אייןווארט:

— אניוטא!

אין איהר שוויינען האט ברכה דערפיהלט, אז אניוטא איז אלעם מודה און פון פארצווייפלונג איז זי ווי א ווילדע צוגעלאפען צו אניוטא'ן און מיט איהרע לעצטע קרעפטען האט זי איהר אנגעהויבען טרייסלען.

— וואס שווייגסטו? רעד! דערצעהל, ווייל איך וועל זיך דיהרען פון זינען!

— מאמעניו, אוי מאמעניו! — האט אניוטא געיאמערט פערצווייפעלט — וואס קען איך רעדען, וואס זאל דערצעהלען? נור ברכה האט זיך פערלארען. איז נאך אמאל צוגעלאפען צו אניוטא'ן און הויך אויפ'ן קול האט זי איהר אריינגעשריען אין פנים אריין:

— חציפה איינע! וואס האסטו געטאן?

ווען אניוטא האט פון איהר מוטער די דאזיגע ווערטער דערהערט, האט זי דערפיהלט ווי די גאנצע וועלט וואלט זיך אפגעריסען און איז אויף איהר ארויפגעפאלען און הייסענדיג זיך פאר די האר האט זי פערצווייפעלט אויסגעשריען:

— אוי מאמע! — און איינגראבענדיג בײדע הענט אין דעם קאפ, האט זי פערלאזען דאס עסצימער און איז ארויף צו זיך אין שלאף צימער.

— מיין אייגענע מאמע האט מיר ניט איהר האנד פארשטויסען פון זיך!

האט זי פארצווייפעלט אויסגעשריען און א נערוועזע איז זי ארומגעלאפען אין איהר צימער און האט אנגעהויבען אויף דאס בעט גיי פלאנעווען צו נעהמען זיך דאס לעבען.

עס האט ניט לאנג געדויערט און דער פאטער האט זיך געלאזט לויפען ארויף צו איהר. אברהם גאלובטשיק, אן עהרליבער פרומער איד איז פון תמיד אן געווען זעהר א בייזער און אויף אניוטא'ן האטש א בת יחידה איז ער עביג געווען בייז, פאר וואס זי לאזט זיך ניט לערנען און איז ניט פרום גענוג.

ווען ער איז געשטאנען נאך אונטער דער טיר און האט דערהערט ברכה'ן אויסשרייען דאס ווארט חציפה, איז ער געבליבען אן אונטערגעשאסענער. ער איז אריין אז ןאין צוויי ווערטער האט ער די גאנצע זאך פארשטאנען און ער איז ארויף צו אניוטא'ן.

— א שאנדע צו אונזערע קעפ! דו ויעסט דאס אפטאן אזא זאך, דו חצופה, דו מרשעת, דו חיה! האסט קיין צייט ניט געהאט? האסט ביי טאטע מאמע ניט געפרעגט? — האט ער ווי א צערייצטער טיגער אויף איהר געברומט און ער האט געכאפט איהרע קליידער און האט זיי א שלײדער געטאן איהר אין געזיכט אריין.

— ארויס פון מיין הויז! — האט ער געקלאפט אין טיש אריין — ארויס דו ממזרת! איך וועל דיך אויפהענגען!

— טאטעניו, האב רחמנות!

— ניט קיין רחמנות! איך בין דיר ניט מעהר קיין טאטע! ארויס פון הויז! נעה הענג זיך, טרינק זיך! איך וויל דיין טרפה'נעם פרצוף ניט קענען!

אניוטא האט דאס שוין מעהר ניט געקענט איבערטראגען. זי איז אוועק געפאלען אין מיטען צימער און מיט אויסגעשטרעקטע הענד, האט זי זיך געבעטען ביי איהם:

— טאטעניו, האב מיטלייד, איך בין דאך דיין קינד!

— ביזט ניט מעהר מיין קינד, רוף מיך ניט טאטע!

ברכה איז ארויף, האט דערזעהן אניוטא'ן ליגענדיג אויף דער ערד, ווי זי האט פון זיך די קליידער צעריסען.

— מישוגענער, געה אוועק פון איהר גזרן! — האט ברכה'ן פארקלעמט דאס הארץ און זי האט אברהם'ן געוואלט אפשטויסען און א זייט אריין און באשיצען איהר קינד.

אברהם איז נאך מהר צורייצט געווארען. ער האט געכאפט א שטוהל און אויפהויבענדיג זי מיט איין האנט האט ער די שטוהט א קלאפ געטאן צו דער ערד, אזוי אז ביי איהם אין האנט האט זיך בלויז אפגעשטעלט איין פיסעל.

— איך וועל איהר מאכען דעם טויט נאך היינטיגע נאכט! — האט ער זיך געריסען צו איהר. ער האט ברכה'ן א שטויס געטאן פון זיך און האט זיך געמאכט א וועג צו אניוטא'ן. — א ממזר האט ער געמורמעלט.

— אבער שא! איך געה! איך פארלאז דיין הויז! איך בין געשטארבען! — האט אניוטא זיך אנגעשטרענגט און האט זיך אויפגעהויבען, און זיך געשטעלט אי זא ווינקעל לעבען בעט.

— זאלסט מיר שוין געהן! — האט ער זיך ניט געקענט בארוהיגען — היינט נאך זאל איך דיך דא מעהר ניט זעהן! חצופה!

און ער איז ארויס.

אניוטא האט שוין מעהר ניט געוויינט. זי איז געווען פארביטערט. זי האט מעהר ניט געקלערט קיין זאך, ווייסענדיג, אז איהרע עלטערן האבען אפילו ניט געוואלט פארשטעהן איהר לאגע און האבען זי אזוי מיאוס, אזוי דום פארשטויסען.

זי האט מיט אמאל אויפגעהערט פיהלען פאר זיי, און איז זיי געווארען א שונא.

זי האט מיט אמאל דורכגעפיהלט ווי דעם פאטער צו שלײדערן הארבע גיפטיגע ווערטער אין פנים אריין.

— זאל ער נאר איין ווארט אויסרעדען, און איך וועל דאס טאן! — האט זי א טראכטגעטאן.

זי האט זיך אנגעהויבען פארטיגען צו פארלאזען דאס הויז.

— אזא פארברעכען, אזא זינד! — האט די מוטער אויף איהר א בייזען בליק געווארפען, קיין אידישע טאכטער טוט ניט אזא זאך!

אניוטא האט שוין מעהר ניט געשוויגען.

— איך האב ניט געזינדיגט דו הערסט? איך האב ניט געזינדיגט, זאג איך דיר! איך האב געליעבט. עהרליך און אונשולדיג געליעבט! — האט זי זיך דער מוטער געשטעלט אנטקעגען.

— דו, דו חצופה, שווייג! רעד באטש ניט אנטקעגען! — האט די מוטער געטענה'ט.

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניע, יוגא-סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט.

פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דזשענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

בעקאנטמאכונג

צום דעטראיטער פובליקום און אומגעגענד

זונטאג דעם 14טען מארטש

2 אוהר נאכמיטאג

וועלען מיר פייערען אונזער גרויסע שמחה פון דער

סיום התורה

וועלכע די „אידיעס עקזילערי סאסייעטי“, פון דער גרויסער קאנגרעגיישאן אהבת אחים געבען אריין צו אונזער שול.

מיר בעטען אלע אידען פון דעטראיט, זאלען קומען און אנטהייל נעהמען אין אונזער הייליגער שמחה, ווייל דאס איז די ערשטע ספר תורה וואס ווערט אריינגעגעבען אין דיזער נייער שול.

דער ספר וועט גענומען ווערען פון הויז פון וויס־פרעזידענט מר. פעטשערסקי, 157 גרווין און וועט געבראכט ווערען אין שול אהבת אחים, 124 דעלמאר.

אכטונגסאל, די קאמיטע

ציון־קאמאנוועלטה

א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אויסקויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש־ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער ציוניסטישער לאנד־אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אידען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארבייט.

א גרויסע געלעגענהייט, וועלכע קיין איד זאל ניט פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט גערען געבען אלע אויסקינפטע, זיך ווענדען האטעל פארטשעלבי.

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
דזשאדזש דזשוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברוידי
בערנארד א. ראזענבלאט

ציון קאמאנוועלטה, 55 — 5טע עוועניו, ניו יארק.

יוזט פאלם-אלא

פאר'ן מאגען א רפואה פאר'ן פאקעט א ישועה

פאלם־אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאקאנאטס און פינאטס אייל, און אנדערע נאטור רייכע ווערזשעטייבעלס און קען געניזט ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די זיי־סענשאפטליכע מעטהאדען און סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט־פרוף סאניטארע באקסעס.

פאלם־אלא איז אויסגעצייכענט גוט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. גיט אייערע קינדער פיעל פאלם־אלא. עס וועט זיי פיעל גוטעם טהאן און עס איז אזוי פיעל ביליגער ווי די אלד פעשאנד פוטער.

פאלם־אלא איז מיט זיין נאטירליכע רייכקייט און געשמאקקייט ממש טעם גן עדן, און ווער עס טרייעט דאס צו יוזען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.

פאלם־אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דעטראיט ביי דער באוואוסטער „שעד קרימעריי“. אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען סופלאי יעדען טאג.

געמאכט פריש יעדען טאג אין דעטראיט

גלייך פון דער פוטער פאס צו אייך

פאלם־אלא איז בשר בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר' יוסף תאומים דפה

גראסערי לייט

עס איז פאר אייער בענעפיט איהר זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט ניט קיין טראבעל. איהר דארפט ניט וועגען, איהר דערלאנגט א פעקעדזש, צום קאסטימער און דאס אלעס.

לעזט דעם הכשר:

הנני להעיד כי החמאה הנקראת Palm-Ola אשר עושה The Shedd Creamery ... [illegible]

הרב יוסף תאומים — Rabbi of the Congregation Beth Abraham — בדעטראיט מיש.

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם־אלא

J. Bartush West 1407



אונזערע ספעשעל מאשינען סייווען ארבייט.

אונזערע איבערגעבילטע מאשינען סייווען געלד.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פראפיט

מיר פארקויפען די בעסטע אין דער ליין פון נעה מאשינען צו יעדער סטיטשינג אפערישאן, א חוץ די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעיוזטע מאשינען. לאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייווען פיעל געלד דערביי!

A. C. Payer

119 E. Jefferson טעלעפאן טשערי 1813

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder Cherry 6203

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. — Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. — JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

פרייטאג, 12טער מארטש 1920

דער יקרות וועט העכער שטייגען

מענשען וואס פאהרען מיט די אייזענבאהנען; מענשען וואס שיקען פראכט פון איין ארט אין צווייטען דורך אייזענבאהן און מענשען וואס קו־מען גלאט אין נאהענטער בארירונג מיט דער באהן אדמיניסטראציע זעהן קיין שום חילוק נישט אצינד, ביז פריהער מיט עטליכע חדשים; עס איז זיי שווער צו זאגען מיט וואס עס האט זיך געענדערט די לאגע נאכדעם ווי די אייזענבאהן מאגנאטען האבען צוריק איבערגענומען די באהן אפערא־ציעס. פראכט און פאסאזשירען ווערען פונקט ווי פריהער אויף דעמזעל־בען אופן באהאנדעלט; די באהן אנגעשטעלטע זיינען דיזעלבע בעאמטע; דיזעלבע פארשפעטיגונגען, דיזעלבע נישט פינקטליכע טראנספארטאציע.

מיט איין ווארט: איצט, ווי אין די פארגאנגענע זעקס און צוואנציג חדשים ווערען די אייזענבאהנען אנגעפיהרט מיט די זעלבע חסרונות און מעלות.

אן אונטערשיעד וועט מען אבער באלד דערפיהלען:

עס וועלען געהעכערט ווערען די פרייזען אויף פראכט און פאסאזשיר.

עס האט קיינער נישט געוואוסט, נישט געפיהלט דעם אונטערשיעד פון דער רעגיערונגס אדמיניסטראציע ביז דער אדמיניסטראציע פון די מאגנאטען. איצט אבער וועלען שוין אלע דערפיהלען: דער רייכער ווי דער ארימער, דער סוחר ווי דער ארבייטער.

ווען די רעגיערונג האט פארוואלטעט די אייזענבאהן האט מען אויך געהעכערט די פרייז, אבער געהעכערט האט מען בלויז 25 פראצענט.

אבער דארף מען נישט פארגעסען די אומשטענדען און דעם אלגעמיי־נעם יקרות.

די באקאנט איז די רעגיערונג געצוואונגען געווען איבערצונעהמען די אייזענבאהן, ווייל די אייגענטימער פון די אייזענבאהנען האבען אין מלחמה צייט געשטערט אויף טריט און שריט. אלע טאג זיינען נייע תירוצים פארעפענטליכט געווארען פון די אייזענבאהן מאגנאטען און אלע טאג האבען אויסגעפעהלט אלץ מעהר וואגאנעס.

אונטער דער פארוואלטונג פון דער רעגיערונג איז די פאראליזירונג פארשוואונדען בּיסלעכווייז.

די רעגיערונג האט געהעכערט די רייטס אויף פינף און צוואנציג פראצענט, און צייט ווען זי האט אלע באהן אנגעשטעלטע געהעכערט פיער־ציג פראצענט אויף זייערע שכירות.

אין די מלחמה חדשים האט די רעגיערונג, דאס מיינט, די אמעריקא־נער נאציע, דערלעגט ניין און צוואנציג מיליאן דאלאר צו די אייזענבאהנען. אריינגערעכענט די גרויסע סומע דיווידענד וואס מען האט אויסגעצאהלט די אייזענבאהן בעלי בתים און די גרויסע סומע וואס האבען זיך געפאדערט אין יענער צייט צו פארגרעסערן די אייזענבאהנען טראנספארטאציע.

עס איז איבערגערעכענט געווארען אז ווען די רעגיערונג וואלט געווען אנגעפיהרט מסחר מיט די אייזענבאהן מאגנאטען און נישט געווען אפגע־שאפט אויף הערוויילע, פריוואט אייגענטום, וואלט די אמעריקאנער נאציע געווען א בעל הוצאה נישט אויף 29 נאר אויף גאנצע הונדערט מיליאן דא־לאר יעדען חודש.

אין נאך עטוואס און נישט ווייניגער וויכטיגעס:

ווען די רעגיערונג זאל געווען העכערען די אייזענבאהן פרייזען, ווי די פריוואטע פאבריקאנטען האבען געהעכערט זייערע ארטיקלען וואלטען די רייזענדע און די פראכט שיקער געווען באראפט אויסגעבען מיט 20 מיליאן דאלאר מאנאטליך מעהר. דאס מיינט אז די אמעריקאנער נאציע וואלט געווען דערפיהלט ערגין א יקרות אויף 300 מיליאן. ווארים יעדער דאלאר אויסגאבע וואס די פראדוצירער האבען, רעכנען זיי דאך צו איהם צו א גרויסען פראצענט פראפיט.

מיינט עס אלזא אז „גאווערנמענט אונערשיפ" שפארט איין א סך. אז אונטער דער אדמיניסטראציע פון דער רעגיערונג איז די הוצאה אויף אייזענבאהן נישט פארגרעסערט געווארען אזוי פיעל ווי אנדערע ארטיקלען. קליידער למשל זיינען געשטיגען אויף הונדערט פראצענט; ווייץ, ברויט, שמאלץ און פיעלע אנדערע לעבענס נויטווענדיגקייטען זיינען געשטיגען אין פרייז אויף 50, אויף 100 און מעהרערע פראצענטען. די אייזענבאהן הוצאה — בלויז אויף פינף און צוואנציג פראצענט.

און איצט וואס וועט זיין?

די אייזענבאהן מאגנאטען האבען למשל אין יאהר 1918 פארדיענט בלויז 3.83 פראצענט. אונטער דעם נייעם איינפיהר וועלען זיי אין די נעקסטע זעקס חדשים פארדיענען גאנצע 5 פראצענט פון זייער „פראפערטי עקאונט". (דאס מאכט אויס א סומע פון — 935 מיליאן דאלאר א יאהר!) נאך דיזע זעקס חדשים, וועלען זיי אויף די ווייטערע אכטצעהן מאנאטען (ביז מערץ דעם 1טען 1922) באקומען די מיטשטיצע פון דער „אינטערסטייט קאמערס" קאמיסיע און קריגען נאך האלבּ פראצענט (צוזאמען 5½ פראצענט).

עס וואלט זיך אפילו געלוינט אריינצוגעהן אין איינצעלהייטען און ערקלעהרען אקוראט אויף וואס געהן די פינף פראצענט און אויף וואס דאס האלבּ פראצענט. עס וואלט דאן קלאהר געווארען, אז דאס האלבּ פרא־צענט איז לויט דער ריכטיגער אפשאצונג פון די אייזענבאהן פארמעגענס. האט שוין אבער די אינטערסטייט קאמערס קאמישאן צוויי יאהר דורכ־אנאנד שטודירט דאס פארמעגען פון די אייזענבאהן בעלי בתים און האט נישט געקענט דערגרונטעווען די ריכטיגע סומע.

אבער אָט דיזע פרטים וואלטען צופיעל פלאץ פארנומען. וועלען מיר נאר בקיצור זאגען אז פונם נעקסטען 1טען סעפטעמבער וועלן די אייזענבאהן מאגנאטען ארויסבאקומען פראפיט לערך 1,025,000 דאלאר א יאהר — נישט רעכנענדיג געוועהנליך זייערע אפעראציאנס אויסגאבען, זייערע טעקסעס. האט רעכנט מען נישט. צוזאמען מיט דיזע אויסגאבען איז די ציפער א מורא'דיג ריעזיגע.

אזא פראפיט האבען נאך די אייזענבאהן בעלי בתים נישט געהאט אין קיין שום יאהר זינט זיי אפערירען זייערע „ביזנעס".

עס פארשטעהט זיך אז דיזע פארדיענסטע פון די אייזענבאהן בעלי בתים וועלען דארפען געדעקט ווערען פון די אמעריקאנער איינוואהנער. אט מיינט, אז די אמעריקאנער נאציאן ווערט איצטער א נייער בעל הוצאה אויף נייע 900 מיליאן דאלאר א יאהר.

דער קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאטען האט צוריקגעוויזען אלע פארשלעגע סיי די וואס די „ריילראוד בראדערהודס" האבען געמאכט, סיי די וואס מר. מעקאדו האט געמאכט. עס זעהט זיך בולט אן אז דער קאנ־גרעס האט געקאט אפענע אויערען נאר פאר די פארשלעגע וואס זיינען גע־קומען מצד און לטובת די אייזענבאהן בעלי בתים. דער פרעזידענט אליין איז אויך געווען מוסכם מיט'ן קאנגרעס און הער רעזולטאט: —

דער יקרות וועט מוזען שטייגען!

דער יקרות וועט איצטער ארויפשטייגען אויף נאך א מיליאן דאלאר א טאג.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

נאר פאר בהמות

פארעוווסקי קומט אינגיכען קיין אמעריקא און ער וועט זיך באזעצען אויף זיין פארם אין קאליפארניע.

נאכדעם ווי מען האט זיך איבער־צייגט וואס פארא אומגליק דער פאדע־רעווסקי איז, ווילען איהם, ווייזט אויס, קיין מענשען מעהר נישט הערען און ער קלויבט זיך איבער אויף א פארם, וואו ער וועט שפיעלען פיאנא פאר בהמות.

* * *

דער גרעסטער גענעראל

דער גענעראל סטרייק אין פראנקרייך האט ארויסגעווארפען א שרעק אויף דער פראנצויזישער רעגיערונג.

קעגען גענעראל סטרייק איז אומעכ־טיג אפילו גענעראל פאש. דער ערשטער גענעראל איז א פנים אויך פאפולערער צווישען די ארבייטער ווי דער לעצטער.

* * *

מערדער געגען מערדער

די אונגארישע רעגיערונג, וועלכע ציי־כענט זיך אויס מיט איהרע מערדערייען קעגען אידען, האט געשיקט א פראטעסט קעגען דער רומענישער רעגירונג פאר איהרע בארבארייען בנוגע אונגארישע אונטערטאנען.

נישט לאנג צוריק ווידער האט פוי־לען פראטעסטירט קעגען אוקראינע פאר איהרע (אוקראינע'ס) פאגראמען אויף אי־דען.

איין מערדער באשטעטיגט אויף אזא אופן די מערדערייען פון צווייטען מער־דער.

אבער די מארגענטים און דושארד־ווינס קומען דערנאך און וואשען זיי ריין.

* * *

אזוי הויך!

פאר דער ליגע פון נאציאנען איז פאר־געלעגט געווארען דער פלאן וועגען גרינ־דען א הויכען פעלקער־געריכט.

דער פעלקער געריכט וועט זיין אזוי הויך, אז די קליינע, אונטערדריקטע פעלקער וועלען איהם נישט קענען דער־לאנגען.

* * *

א טייערער איינפאל

מילעראן, דער פראנצויזישער פרעמיער, האט ארויסגעגעבען א באפעהל צו מאבּיליזירען די אייזענבאהן־ארבייטער, וועלכע זיינען ארויס אין סטרייק, און אלס סאלדאטען זיי באארדנען צו פיה־רען די באהנען.

און טאמער וועלען זיי אפילו אלס סאלדאטען נישט וועלען פאלגען? נו, זע־נען זיי דאך סאלדאטען, וועט מען זיי באפעהלען זיי זאלען זיך אליין שיסען...

* * *

עס לוינט זיך שוין

הערי מאלאכבידילי, א דעפוטאט פון ענגלישען פארלאמענט, א מיליאנער, האט אים פראטעסט געגען די פראפיטירער, געעפענט א סטאר, וואו ער פארקויפט סוטס צו 9 דאלאר מיט 50 סענט.

עס לוינט זיך שוין פון אמעריקא צו פאהרען קויפען א סוט אין לאנדאן. מיט די רייזע־הוצאות וועט עס דאך אלץ נישט אויסמאכען אזוי טייער, ווי מען קויפט א סוט אין אמעריקא...

* * *

א ריכטיגער באשלוס

דעם באשלוס פון די עליעס וועגען קאנסטאנטינאפאל קען מען אזוי ארום פארמולירען אין קורצען:

דער טערק וועט בלייבען אין קאנ־סטאנטינאפאל, אבער קאנסטאנטינאפאל וועט נישט בלייבען ביים טערק...

* * *

ס'געהט און מ'פאהרט

זענען די אייזענבאהנען שוין צוריק איבערגעגאנגען צו זייערע אייגענטימער. די באהנען געהען און אויס'ן פאלק אהרן מען רייטענדיג...

דער ריכטיגער סעטלמענט

לויט דעם האמרול, וואס ענגלאנד ייט זיך איצט אונטערצוטראגען די איר־לענדער, וועט אירלאנד האבען צוויי פאר־לאמענטען;

(שלום אויף פיידוש 6)

פון דער דעטראיטער ענגלישע פרעסע

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון ז. רבקה־זאן

אן ענגליש שפריכוואָרט זאָגט: „גיב איהם פריהער א שלעכטען נאמען, דאן וועסטו איהם שוין קענען דערשיסען". מיט די רוסישע באלשעוויקעס האט פאַ־סירט דאס זעלבע. קיין איין שלעכטען נאמען פון לעקסיקאן איז ניט אדורכגע־לאזט געווארען, מיט וועלכען א געוויסע טייל פון דער ענגלישער פרעסע זאל ניט באצייכענען די סאוועטען־רעגיערער. און דאן... וואס טויגען פאקטען? צוליעב וואס לאגיק.

נעמט, למשל, די שלום באדינגונגען, וואס פוילען האט ארויסגעשטעלט צו דער מאסקווער רעגירונג. אומגעלומפערטע, זינענלאזע זענען זיי. פוילען פאדערט, אז די סאוועטען רוסלאנד זאל איהר, פוילען, געבען די פראטעקטאראט איבער אלע נאַ־ציאנאלע מינדערהייטען, וועלכע וואוינען אין די גרעניצען פון דעם גרויסען סאוועט־טען־רוסלאנד. אנגענומען, אז אזא פראַ־טעקטאראט איז פאר דיזע נאציאנאלע מינדערהייטען נייטווענדיג; פרעגט זיך — אויב מ'וויל זיין לאגיש — פאר וואס עפעס זאל פוילען זי קריגען און ניט דער ניגערד־שטאט ליבעריע? אוים יושר און גערעכטיגקייט צו דיזע נאציאנאלע מינדערהייטען, וואלט די מענשהייט גע־דארפט איבערגעבען די שוצלאזע פעלקער פון דער גרויסער רוסלאנד טאקע צו לי־בעריע און ניט צו פוילען, ווייל דער ני־גערשטאט איז ערשטענס א מלוכה, ער־פאהרענער, ווי די נייע פוילען; און צוויי־טענס, דוכט זיך אונז, איז זי מעהר יושר־דיג בנוגע אינדיווידועלע און נאציאנאלע פרייהייט.

פוילען וויל אויך, אז די היסטארישע גרעניצען פון יאהר 1772 זאלען צוריק־אויפגעשטעלט ווערען. ס'דוכט זיך, אוי־בערפלעכליך, אז דיזער פארלאנג שטימט איין מיט דעם ווילסאן־שלום — די 14 פונקטען, — וועלכע די גאנצע וועלט האט אנגענומען, נאר די ווערסאלער קאנ־פערענץ איינע אליין האט אן־איהם פאר־געסען. ווען מ'דערמאנט זיך אבער, אז פוילען וויל איצט צוריקריגען אזא „עכט־פויליש" שטאט, ווי סמאלענסק... איז שוין דאס וואָרט „אימפעראליזם" זעהר און זעהר מילד, מיט וועלכען צו באצייכענען פוילען'ס אפעטיט.

און דאך, האט פוילען געפונען א שטארקען פארטיידיגער פון איהרע פאַ־דערונגען אין דעם „דעטראיט דזשוירנאל".

גלייך ווי פוילען'ס פאדערונגען זענען פארעפענטליכט געווארען פון דער מאסקווער רעגירונג און דערביי אויף לענינ'ס קאמענטארישער ענטפער, אז זיי קענען ניט ווערען אנגענומען, און אז רוסלאנד וועט באקעמפען דעם פוילישען אגרעסער, אין דער „דעטראיטער דזשוירנאל" ארויס עדיטאריעל געגען לענינ'ען און נעגימען דאס אומגליקליכע פוילענלאנד אינטער זיין שוץ.

דער ארטיקעל רופט זיך „אפשרעקענ־דיג פנכבער" און לעזט זיך ווי פאלגט:

פוילען איז יעצט אין אזא יאמער־ליכען צושטאנד, איהר ארמיי איז אזוי ארעם אויסגעריכט און באוואפ־ענט, איהר שטימונג (קאמפסלוס־טיגקייט) איז אזוי נידערגעשלאגען, דאס ס'איז צווייפעלהאפט, אויב זי וואלט געווען ביכולת צו פארטיידי־גען זיך געגען אירגענד וועלכער איי־ראפעאישער מאכט. פונדעסטוועגען, באטראכט עפענטליך ניקאלאי לענין פוילען צוליעב זיינע אייגענע צוועקען, אלס א מיליטערישען שונא, וועלכע מאכט פארזוכען איינצונעמען רוסלאנד. „אויב דער פוילישער אנ־גרייפער וועט אריינדרינגען אין אונ־זער לאנד, וועלען מיר איהם געבען אזא קלאפ, וועלכען ער וועט ניט פארגעסען", זאגט ער (לענין), און אין דער זעלבער צייט פארדאמט ער פוילען'ס פאדערונגען, אלס זינלאזע איבערטריבענע. לענין, ווי ס'זעהט אויס, מאכט פראוים און אנזוהנלי־כען אויסרייד פאר א באלשעוויסטי־שער אקטיוויטעט, וועלכע דארף פאר־קומען".

דער „זשורנאל" ברענגט אפילו ניט אין דיזען עדיטאריעל די פאדערונגען, וואס פוילען האט צוגעשטעלט צו דער סאוועטען־דורסלאנד. פאר איהם זענען זיי ניט וויכטיג. וויכטיג איז פאר איהם, וואס דא האנדעלט זיך וועגען די באלשעוויקעס און דאן. צוליעב וואס פארנעמען פלאץ מיט זיי מיט די פאדע־רונגען? צווייטענס, איז טאקי א שאד די טרחה פון פאנאנדערקליבען זיך אין דיזע פאדערונגען, צו זיי זענען גערעכ־טע, אדער אומגערעכטע; אלענפאלס, איז דער נאמען „באלשעוויק", וועלכער, אגב, מיינט אן אנהענגער פון דער מעהר־הייט, פאר'ן „זשורנאל" א גענוגענדער באווייז, אז פוילען איז „גאט די נשמה שולדיג"". און דריטענס, אפשר, ווייסט טאקי ניט דער „זשורנאל" די אונזיננינג־קייט פון פוילען'ס פאדערונגען? האט דאך לאיד דזשארדזש געמענט, אדער ניט געשעמט זיך, מודה זיין זיך אין ענגלישען פארלאמענט, אז ער האט קיינמאל ניט געהערט פון דעם קויהלענגעגענד טע־שין, וואו ס'איז פארגעקומען דער סכסוך צווישען פוילען און די טשעכען פאר דיזען פלאץ. אויב לאיד דזשארדזש, אין וועמעס הענט ס'איז געלעגען דער גורל פון באשטימען די גרעניצען פון די מערב אייראפעאישע פעלקער, האט גע־מעגט ניט וויסען, פארוואס זאלען מיר פארלאנגען, אז דער עדיטאריעל־שרייבער פון דעם היגען „זשורנאל" זאל ווי־סען, אז סמאלענסק האט ווייניגער שייכות מיט'ן פוילען, ווי לאנד אין זאגען — רעטראיט?

* * *

אז די צונג איז געגעבען געווארען צו דיפלאמאטען, כדי צו פארדעקען זייערע געדאנקען, איז שוין אן אלטער כלל. און צו גלויבען, אז דער באשלוס פון האנדלען מיט סאוועטען־דורסלאנד איז ניט צו ליעב די אורזאכען, וואס דער העכסטער ראט האט פארעפענטליכט, איז ניט קיין גרויסע אפיקרסות. וואס ס'זענען די ווירקליכע סבות, וועלכע האבען געטרי־בען די עליעס צו „ביטען זייער פראנט" אין באצוג צו די באלשעוויקעס, ווערע־פארשיידענארטיג אויסגעטייטשט.

אינטערעסאנט איז דאריבער די מיי־נונג פון דער היגער „ניוס". איהר לייט ארטיקעל וועגען אט דעם ענין הייסט: „דער אלף־בית פון דעם דאזיגען רוסי־שען האנדעל". און אט וואס זי זאגט:

„די מענשליכע נאטור איז כמעט די זעלבע איבער־דער גאנצער וועלט, צו אין פעקין, אדער פעאריא. למשל, איבער דער גאנצער וועלט, קויפען די מעהרסטע מענשען דארטען, וואו זיי קענען באקומען אממעהרסטען פאר זייער געלט. דער בירגער, וועלכער פאנגט אן מיט דיזער גרינדליכער השערה, קען זיך ניט אפנארען אין די גרונד־רעזולטאטען. אפילו דיפלא־מאטען קענען ניט אוועקמאכען מיט דער האנט היזען פאקט.

ווענדט דאס איצט אן צו דער ער־קלערונג פון דעם וויכטיגען פאל. וואס די אליאירטע האבען באשלאסען צו באנייען האנדעלס־באציהונגען מיט סאוועטען־רוסלאנד. רוסלאנד האט צו פארקויפען רויע מאטעריא־לען, וועלכע די אליאירטע לענדער אין אייראפא מוזען זיי איינפאך־קריגען. פארשטעהט זיך, זיי קענען דיזע זא־כען קויפען ביי אונז (אמעריקאנער), און זיי וואלטען טאקע זיי וועלען קוי־פען ביי אונז, איז אבער דער פאקט, וואס אונזער געלט ווערט אלץ טייע־רער".

די „ניוס" ווייזט אן אויך וויפיעל דער קורס פון די אייראפעאישע געלטער, אין פארגלייך מיט'ן אמעריקאנעם דא־לאר, איז געפאלען. אין רוסלאנד ווי־דער איז זייער קורס א גאנץ הויכער און דארום „ווענדען זיי זיך צו רוסלאנד".

די צייטונג פארענדיגט איהר ארטי־קעל מיט פאלגענדען:

„רוסלאנד איז העכסט וויליג צו פארקויפען, ווייל, ווי מיר ווייסען, נויטיגט זי זיך אינ'ם קויפען; האנ־דעל מיט אנדערע לענדער מיינט זעהר פיעל פאר איהר. און אזוי ווי די דאזיגע אנדערע זענען גע־צוואונגען צו קויפען, איז דען דאס ניט נאטירליך, דאס זיי זאלען אויס־נוצען פאר זייער איינענער טובה דעם אונטערשייד אין קורס און אוועקשטעלען האנדעלס־באציהונגען מיט רוסלאנד? מיר קענען עס

שלום אויף זייט 6

לאמיר זיך דורכריידן

א שמועס מיט דעטראיט'ער אידען
(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון ר' ברוך'ל

איהר קלאגט אויף דעם חורבן פון „האי קאסט אף ליווינג", טא לאזט זשע זיך מיר אויסזינגען אויף דעם „האי קאסט אף דאיאינג".

יעס'ע! נישט די הויכע פרייזען פון לעבענס־מיטלען ארגערן מיך אצינד, נאר די הויכע שטארבע־מיטלען דערקווע־טשען מיר.

די דאזיגע הויך פרייזיגע שטארבע־מיטלען מאכען מיר ענג פונקט ווי א נייער שיך פון פעטענט לעדער וואס וועט באלד קאסטען דרייסיג דאלאר און וועל־כען איהר האט נאך מארגען צייט צו קריגען אין א בארגיין סייל פאר זעקס מיט א קווארטער.

„דהי האי קאסט אף דאיאינג"! נאט זיך אייעך אבצעהו קרענק ציבעלעס און מאכט ביליג דאס שטארבען.

מאכט מיר כאטש ביליג דאס שטאר־בען פאר א סאלדאט.

טראכט זיך, געפעלינסט, אריינעט אין דער לאגע פון א סאלדאט און שאפט אף פאר זיין בענעפיט וועגען אט דעם מאנ־סטער וואס רופט זיך „האי קאסט אף דאיאינג".

אבער איהר'ט עס נישט טאן! איהר'ט זיך געהן קריגען מיט אייער פעדלער־אי־בער א העטאך, איהר וועט אויספליקען די בארד פון אייער גראסערי מאן איבער א קארטאפעלע; איהר וועט ממית'ן דעם טראסט איבער א קנאבעל און וועט שיל־טען אייער שווינגער, „אין טאמענס סא־טען" איבער א ציבעלע און אין דעם „האי קאסט אף דאיאינג" וועט איהר פארגע־סען, איבערלאזען אויף הפקר.

איהר פארגעסט אין טויט און פאר־געסט אויך אין זיינע הויכע פרייזען.

איהר מיינט אפנים אז די טראסטס רייסען נאר די הויט פון די לעבעדיגע; איהר מיינט אז דער וואס פיהרט א שווע־רען לעבען, וועט מסתמא האבען א לייכ־טען טויט.

אף, בידערלעך, ניט ביי מאטיען און ניט אין אמעריקא.

אין אמעריקא האט אט וואס געטרא־פען:

ביי א סאלדאט אין 240טען באטא־ליאן איז געשטארבען דאס ווייב.

די פירמע פון א דעטראיט'ער באגרע־בער האט אויך זיך גענומען די מצוה צו מקבר זיין דעם סאלדאט'ס ווייב.

פארט א פאטריאט! האט עס איהם פארקלעמט ביים הארצען נעבעך.

אין אוועק א חודש.

שלושים.

נאך שלושים האט זיך דאס הארץ ביים דעטראיט'ער פאטריאט צוריק אויפגעקלעמט און ער האט אריינגעשיקט גים קאמאנדיר פאלגענדען בריוועלע:

„ידידי היקר.

„איך שיק אייך צו א חשבון, הצרוף זה, און בעט אייך זעהר לדבר עם היון־נימער — — — אז ער זאל מיר למען ושם ולמען השם תיכף ומיד בקבלת מכתבי זה אפשיקען די 126 דאלאר כסף המגיע לי פאר מקבר זיין את זוגתו היקרה.

„ובזה הנני מכבדו ומוקירו

„א. אינגראם".

און אט איז דער חשבון וואס איז גע־ען געגענט צום בריוועל:

פאר דער טרונע 80 דאלאר; פאר עם טויטען וואגען און שנורען און קאס־טען 21 דאלאר; פאר דריי קערידזשעס און וויירוך 17 דאלאר; פאר צוויי גנאנסען און אנדערע קלייניגקייטען אכט דאלאר, צוזאמען 126 דאלאר.

רבותים, דאס איז מיט א סאלדאט!

און וואס טו איך, אז ניט פאר מיר געדאכט, אז לא יעלה, כזאל עס מויל צו בייז נישט עפענען, אז עס שטארבט ביי מיר מיין שווינגער... צום צווייטען מאל? אוואו וועל איך נעמען 126 טולער?

ס'נאך גוט וואס מיין שווינגער וואלט קיין טרונע נישט באדארפט, אבער דער־פאר איז ביי אונז דא אנדערע הוצאות. „און ארט" למשל איז א גאנצער עסק וואס פאדערט אזוי פיעל וויפיעל א טרו־נע.

עס מעג זיין וואס פאר א זול אויף לאטס, אויף ריעל עסטייט. קומט עס צו באגראבען א שווינגער ווערט "פלוצים א יקרות אויף ריעל עסטייט און וויפיעל מען זאל ביי אייך ניט נעמען, דערצעלט מען אייך א מאנסע, אז איהר האנדעלט א „באגען". ובפרט אצינד און אין דעטראיט דערצו וואו יעדער שטיקעל ערד איז מיט גאלד גלייך, און מען דענקט שוין אפילו צו נעמען הויכע דירה געלט ביי די מייזען פאר די מייזען לעכער, פאר וועלכע זיי ווילען קיין רענט נישט צאה־לען.

מען וואלט זאגען אז אויף שטארבע־מיטלען איז פאראן א פוד קאמישאנער, מילא, וואלט שוין געווען ניט אזא וואונ־דער, ווארום עס הויבען זיך די פרייזען אזוי.

אבער ווי ווייט אונז איז באקאנט איז דאך נאר פאראן א „האי קאסט אף לי־ווינג קאמישאנער", אבער נישט אויף „האי קאסט אף דאיאינג", טא ווארום זשע זאלען שטארבע־מיטלען שטייגען?

אט למשל ווערט עס יעצט באשטע־טיגט אז אין דייטשלאנד קאסט אצינד איין (1) סענט א פונט קארטאפליעס און ביי אונז, קאסטען די שאלעכץ פון קאר־טאפליעס 10 סענט.

האט מען געזוכט און געזוכט די אור־זאכע, ווארום קאסטען קארטאפליעס אזוי ביליג אין דייטשלאנד און אזוי טייער אין דעטראיט? — אין מען האט גע־זוכט אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז מען האט אויסגעפונען אז די אורזאכע פון דעם זול אין דייטשלאנד נעמט זיך דערפון, וואס דארטען איז נישטא... קיין „האי קאסט אף ליווינג קאמישאנערס".

אט דא האט איהר די אורזאכע פון אויבענאויף און הערט אויף באדערען.

און אויך צו אונזער לעזער פון דעט־ראיט זאגען מיר: מיסטער לעבען זארגט זיך ווייניגער פאר פראהיבישאן. מיר זענען געווארען שטארקע אנהענגער פון פראהיבישאן, זינט מיר האבען זיך דערוואוסט, אז מען האט אין לעצטען יאהר אין די „טרוקענע סטייטס" ארעס־טירט מעהר שיכורים ווי אין די זעלבע סטייטס ווען זיי זענען „נאס" געווען.

און דאס מיינט, פריינד דעטראיט'ער לעזער, אז אמאל ווען די סטייטס זענען „נאס" געווען האט מען די שיכורים גע־בעך געלאזט ליגען אויף דער גאס און מען האט זיי אפילו קיין איין אומזיסטען נאכט לעגער נישט געוואלט געבען.

דאס איז נישט מענשליך, מיין פריינד!

און ווען איהר קלאגט זיך אז אונזערע געזעץ השעה, וואס זענען זעהר שטרענג בנוגע די וואס טרעטען איבער־דאס גע־זעץ וואס פארבאט דעם ביטערען טרא־פען, און אז אפילו מר. גאנגג, וועלכער האט פארלוירען א פוס אין דער מלחמה איז פאראורטיילט געווארען מיט 25 דא־לאר פאר האלטען א „קאפעטשקע", און טאקע ניט מעהר ווי א „קאפעטשקע", און אז באם ער האט נישט דעם פינף און צוואנציגער, זאל ער געהן אפזיצען פופצעהן טעג אין דזשייל. — זאגען מיר, אייך אז אונזערע ריכטער זענען נישט פיפקע.

ראשית איז א מענשען וואס האט ניט מעהר ווי איין פוס זיכער פארבאטען צו טרינקען בראנפען אין א שטאדט, וואו עס איז איינגעפיהרט פראהיבישאן.

אין אזעלכע שטעדט דארף מען, פריינד לעזער, טרינקען אזוי אז מען זאל פאלען פון די פיס, און נים „פונ'ם פוס".

און שנית, וואו האט איהר עס גע־זעהן, אום הימעל'ס ווילען אז אין א שטאדט וואס האט א פראהיבישאן גע־זעץ, זאל מען האלטען בראנפען?

דאס וואס איהר דערצעהלט אונז! א מאנסע אז מעהר ווי איין „קאפעטשקע" איז דארטען נישט געווען, דאס וועט איהר מוחל זיין, דערצעהלען דער באבען אייערער.

ביי אונז איז אלץ איינס: איין קאפ־עטשקע, אדער צוויי קאפעטשקעס. — קיין בראנפען האלט מען נישט!

אויף ווען וועט איהר איהם אויסבא־האלטען דעם בראנפען?

איהר פארגעסט אפנים אז דער מענטש האט זיך נישט אין די הענט. און קיין אגרימענט מיט גאט האט איהר אויך נישט געמאכט. איז טא טרינקט עס גלייך אוים! באהאלט נישט! מיר ווידער־האלען דאס נאכאמאל און נאכאמאל צו־ליעב אונזערע געעהרטע לעזער און מיר זאגען זיי, צוליעב זייער אייגענעם בענע־פיט: באהאלט נישט קיין קאפעטש־קעס! פארזארגט זיך נישט אויף מאר־גען! פאר מארגען זאל זיך אייער לי־קער דילער זארגען!... און גערענקט אז א מענטש לעבט ניט אייביג און אבי נאר מ'הערט אויף לעבען — געדענקט, אז ס'פאראן א „האי קאסט אף דאי־אינג"! איז דארום אגנזער עצה: — שטארבט ניט! לעבט און טרינקט!

דעטראָיטער שפּיגעל

(ספּעציעל פאר'ן „וועג")
פון הרואה ואינו נראה

אמת'ע מעשיות, טרויעריגע אז קאָמישע פּאסירט אין דעטראָיט'ער אידישען קוואַרטאַל

א שפּיצעל דעם טאַטען

א סך דעטראָיט'ער וויסען די געשיכטע. איך וועל זי דערצעהלען פאר די וואָס וויסען זי נאך נישט.

די הויפּט ראָליע אין דער געשיכטע שפּיעלט א מיידעל מיט'ן נאָמען סאָפיע ב. די אנדערע העלדען זענען מר. מאָרים איהר פאָטער, און לעא — ווער דער לעא איז וועט איהר באלד אויסגעפינען.

קודם־כל וועגען דעם מר. מאָרים. דאָס איז א פארמעגליכער איד, וועלכער וואוינט אין וועסט דעטראָיט. אמאָל איז ער געווען א קבצן. אבער ער האט זיך ארויפגעארבייט. ער האט א נאָמען פאר א גרויסען קמצן. פאר זיינס א סענט קען מען שטאַרבען. דערצו איז ער א גרויסער בעסן, שטענדיג בייז ווי דער טייוועל: א מיח, וואָס רעדט קיינמאָל קיין גלייך וואָרט ניט ארויס צו א מענשען.

פונקט דער געגענזאץ צו איהם איז זיין טאָכטער סאָפיע. זי איז אינגאנצען געראָטען אין איהר מוטער. באזיצט א וואַרימע, איידעלע נשמה און א ליעבליך שמייכעלע רוהט שטענדיג אויף איהר פנים. אזא קינד איז א בענשונג פאר עלטערן, אבער איהר טיראנישער פאָטער האט איהר נישט געוואוסט ווי אפּצושאַצען: ער איז איהר פערגאלטען די יאהרען פאר איהר גוטסקייט און די איידעלע סאָפיע האט שרעקליך געליטען.

איהרע גרעסטע טראַגעדיע האט זיך אנגעהויבען צוליעב לעא'ן. דעם דאָזיגען לעא'ן האט זי געקענט פון קינדווייז אן, זי איז געגאנגען מיט איהם אין איין סקוהל און נאך דאַן געליעבט איהם מעהר ווי אלע אנדערע קינדער. ווען זיי זענען אויסגעוואַקסען איז אויך אויסגעוואַקסען זייער ליעבע גרעסער און שטאַרקער.

סאָפיע אז זי ליעבט — ליעבט זי: זי ווייס פון קיין קונצען נישט און זי האט לעא'ן געליעבט מיט איהר גאנצער נשמה. זי האט שוין פון קיין אנדערען נישט געטראַכט און נישט געקענט טראַכטען. לעא און לעא! — ער האט אויסגעפילט איהר גאנץ וועזען. פארנומען אלע איהרע געדאנקען. ער איז געוואָרען איהר לעבען, איהר לופט, איהר הימעל און איהר ערד.

אבער זי האט געוואוסט, אז זי טאָר וועגען דעם איהר טאַטען גארנישט דערמאָנען, ווייל לעא איז אן ארימער יונגערמאַן, א בוק קיפּער אין א קליינער ביזנעס און פארדיענט ווענעג. איהר פאָטער דאַגעגען חלום'ט פון א דאָקטאָר, אָדער, אויב נישט א דאָקטאָר, איז כאָטש א רייכער ביזנעסמאַן.

דאָ האט זיך נאך געטראָפען, אז לעא האט זיך אוועקגעלעגט. אויף א האַרץ־קראַנקהייט און דאָקטוירים האבען איהם געוואָרענט, אז ער מוז לעבען פאָלשטענדיג רוהיג, זיך גאַרנישט נעהמען צום האַרץ און זיך נישט זאָרגען.

סאָפיע איז געווען אין א פארצווייפעלטער לאַגע: ווי לאַנג איז דער שיעור אָפּצולעגען? עס איז איהר נאָר איינגעפאַלען אז לעא איז קראַנק געוואָרען צוליעב דעם, וואָס ער דענקט, אז איהר פאָטער וועט איהר נישט ערלויבען מיט איהם צו חתונה'ן, און זי האט מורא, אז אויב זי וועט נאך לענגער אָפּלעגען, וועט ער נאך ערגער קראַנק ווערען. דערצו האט זי געוואָלט, אז זיי זאָלען וואָס שנעלער חתונה האבען, ווייל דאַן וואָלט איהר פאָטער געבען א ביסעל געלד און לעא וואָלט געקענט אריין אין עפּעס א ביזנעס וואָס פאָדערט נישט אזוי פיעל אַנשטרענגונג ווי בוק קיפּעריי.

זי האט זיך דאַהער אנגענומען מיט מוט און אלעס דערצעהלט איהר פאָטער און איהם געפאַלען צו די פיס, בעטענדיג ער זאָל איינשטימען צו זייער הייראַט.

אבער דער פאָטער איז בייז געוואָרען ווי א טיגער:

— נישט ביי מיין לעבען! — האט ער געדונערט, — וועסט נעהמען אזא שנאָרער, אזא גאַרנישט!

מעהר האט סאָפיע וועגען דעם נישט געטאָרט דערמאָהנען און דערצעהלען דאָס לעא'ן, האט זי מורא געהאַט ס'זאָל זיך נישט שלעכט אָפּרופען אויף זיין שוואַכען געזונט, האט זי געליזט שטיקען אין זיך.

איצט האט דער פאָטער פון איהר געפאָדערט זי זאָל פאָהרען קיין ניו יאָרק זיך לערנען מוזיק, צו וועלכע זי האט ארויסגעוויזען טאַלאַנט. ער האט דאָס שוין לאַנג געוואָלט, אבער איצט האט ער עס שטאַרקער געפאָדערט, כדי זי זאָל זיין ווייט פון לעא'ן און איהם זיך ארויסשלאָגען פון קאָפּ.

זי האט קיינמאָל דערפון נישט געוואָלט הערען, נאָר פּלוצלונג האט זי איינגעשטימט.

— טאַטע! — האט זי איינמאָל אויסגערופען, — דו ביסט גערעכט. איך פאָהר קיין ניו יאָרק.

2.

די וואָכען זיינען געלאָפען און מר. מאָרים האט ערהאַלטען זעהר גוטע בריף פון ניו יאָרק, פון זיין טאָכטער, וועלכע האט איהם געשריעבען ווי פיין זי לערענט זיך און ווי די פּראָפעסאָרען זיינען פון איהר צופרידען. דער פאָטער האט איהר פון צופרידענהייט געשיקט יעדע וואָך א היבשע סומע געלד אויף לעבען און לערנען זיך.

אבער דאָ, ליעבע לעזער, וועט איהר זיכער פרעגען: ווי קומט עס, אז די גוטע סאָפיע זאָל פארלאָזען לעא'ן ווען זי האט אזוי היים געליעבט און נאך אין אזא שוואַכען צושטאַנד? דאָרום ווילען מיר אייך באַרוהיגען און ערקלעהרען, אז סאָפיע איז איצט לעא'ס ווייב און אז זיי לעבען זיך זעהר גליקליך.

איהר וואונדערט זיך? — טאָ וואונדערט זיך נאך מעהר: ווייל סאָפיע איז אפילו נישט אין ניו יאָרק, נאָר אין א דערבייאיגער שטאָדט.

דאָס רעטעניש וועט אייך באַלד קלאָהר ווערען.

אין דער צייט, וואָס מר. מאָרים האט ערהאַלטען בריעף פון סאָפיע'ן און איהר יעדע וואָך געשיקט געלט, איז סאָפיע נאָר געזעסען מיט איהר לעא'ן און אָט ווי אזוי דאָס קען זיין:

סאָפיע האט באַשלאָסען, אז דער איינציגער אויסגאַנג פאר איהר איז — אוועקצופאָהרען מיט לעא'ן און איהם חתונה'טען אָהן איהר פאָטער'ס וויסען. אבער פאָהרען מיט דעם שוואַכען לעא'ן אין דעם רוישיגען ניו יאָרק, האט זי נישט געטאָרט. ווען דער פאָטער האט זי באַגלייט צום טריין, איז זי געפאָהרען ביז אין א נאָהענטער סטאַנציע און באַלד זיך אומגעקעהרט קיין דעטראָיט, דאַן גענומען לעא'ן און מיט איהם אוועק אין א דערבייאיגער שטאָדט און חתונה געהאַט.

אפיציעל דאַרף זי דאָך אבער זיין אין ניו יאָרק — איז זי געפאַלען אויף א פּלאַן: זי האט איהרע בריעף צום פאָטער פריהער געשיקט צו איהרער א חבר'טע אין ניו יאָרק, און יענע האט זיי איבערגעשיקט צו מר. מאָרים קיין דעטראָיט. אזוי האט דער פאָטער געמיינט, אז זי איז אין ניו יאָרק און איהר געשיקט געלט, וועלכעס די חבר'טע האט באַלד איבערגעשיקט צו סאָפיע'ן. אָט פון דעם געלט האבען סאָפיע און לעא געלעבט א שטיקל צייט. נאָך געשפּאָרט דערפון אויך, דאַן איז לעא אריין אין ביזנעס און מאַכט נישט שלעכט.

* * *

איצט ווייס שוין מר. מאָרים דעם אמת און ער מוז עס נעבאַך דולדען. ער האט געמיינט, אז סאָפיע שפּיעלט מוזיק אין ניו יאָרק, צום סוף האט זי איהם גאָר אָפּגעשפּיעלט א שפּיצעל און דוקא אין א קליין שטעדטיל.

איבערצייגט

(ערצעהלונג)
(ספּעציעל פאר'ן „וועג")
פון מרים קאַרפּילאָוו

ער איז געווען א גאַס מענש. זי — א הויזיגע און דאָ סאיז נאך זיין מיינונג געווען אזוי ווי ס'האט בעדאַרפט זיין: „די פרוי, פלעגט ער זאָגען, איז די הויז, דער מאַן — די סטריט.

אבער דער פרוי האט דערעסען צו זיין „א הויז". עס האט זיך איהר אויך פארוואָלט זיין א „סטריט" כדי צו זעהן וואָס אויסער די ווענט טוט זיך.

איינגענטליך האט זי זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו זיין א „הויז" און זי וואָלט געגען דעם קיין רייד ניט געמאַכט. האבען איהר אבער די שכנים געזאָגט דאָס דער מאַן איהרער פארנאַכלעסיגט זי. ער האַלט איהר פארשפּאַרט אין הויז אליין לעבענדיג אויף וואָס די וועלט שטעהט, און דאָס האט איהר פערדראָסען. פשוט ניט אָנגעשטאַנען פאר אנדערע וואָס ער נעהמט איהר קיינמאָל ניט אוים. עפּעס סאַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט איהר שעהמען! און שעהמען זיך מיט איהר איז, דאַכט זיך, ניט געווען וואָס. נאָר ניט קיין מיאוס'ע, במעט א שעהנע. לען יך „ניט" אנטאָן. רעדט נישט צו פיעל א. ז. וו. איז פאר וואָס זאָל זי דאָס אזוי אָפּזיצען איהרע יאָהרען אין הויז. פאר וואָס?

אויף דעם „פאר וואָס?" האט ער געענטפערט, אז חלילה קען ער זיך מיט איהר בייטען. ער זאָל זיך קענען זיצען אין דער היים און זי זאָל מוזען זיין ארומדום אז מען דאַרף זוכען צו געפינען די געלעגענהייט דעם אָדער יענעם פון עפּעס צו אינשורען. פארזיכערען! אז זי וויל שטאַרק, קען ער איהר טאָן די טובה, זי מיטנעהמען און איבערצייגען אז עס איז איהם אסור דאָ וואָס מקנא צו זיין. זאָל זי טאַקע זעהן ווי ער פּלאָגט זיך און זיך אליין אויך אביסעל צו פּלאָגען.

ער האט איהר געגעבען געלד צו קויפען זיך א נייע העט און צוגעזאָגט זי אין א פּאָר טעג ארום מיטנעהמען, אויסצונעהמען!

זי איז געווען צופרידען; אָט וועט זי זעהן ווי, מיט וועמען ער פארברייננגט אזוי זיין צייט וואָס ער פארגעסט זיך נאָר אמאָל אהיים צו קומען.

* * *

„הער זיך איין — האָט ער זיך דעם וועלכען טאָג אין אָבענד צו זיינעם א גוטען „ברודער" געווענדעט, — איך וויל זאָלסט מיר מאָרגען אין עפּעס ארויסהעלפען... נעהם צונויף ארום איין טישעל און קאַפע עטליכע פון די גרעסטע נודניקעס און זעה דאָס. זיי זאָלען איינע א ווייבעל צום טויט נודיען. איך וועל זי א מיט דיר געבען זיי אויף אַפּיסעל צייט אליין איבערלאָזען ביז כ'וועל צוריק קומען פון וואַנען כ'וועל דאַרפען. דערנאָך וועלען מיר געהן צו עפּעס א פארשטעלונג פון וועלכע ס'זאָל ניט גוט ווערען, דערנאָך אין אזא רעסטאָראַן — —"

ער האט אויסגערעכענט וואו זיי וועלען זיין, וואָס זיי וועלען טאָן, ווי זיי וועלען פארברייננגען און דער „גוטער ברודער" האט זיך נאָר צוגעהערט און געוואונדערט: וואָס פאר נודנע פערגניגענס א מענש זוכט עס צו האבען! „און ווער איז דאָס די איינע וואָס ער וויל אזוי... אויסנודיען?"

„...מיין ווייב".

ווי באַלד אז די ווייב — האט זיך דער גוטער ברודער אויפגעהערט צו וואונדערען. און, געוואָהר ווערענדיג מעהר פון דער אורזאַכע פאר וואָס ער וויל דאָס אזוי זיין ווייב אזוי „טריטען" (כדי זי זאָל א צעהנטען פאַרזאָגען דעם מאַן קליינמאָל ניט נאָכצולויפען) האט ער איהם פאַרזיכערט דאָס ער מעג זיך שוין אויף איהם פארלאָזען; ער וועט עס שוין „פיקסען".

* * *

ווען די „הויז" מיט'ן „סטריט" זיינען פאַרטאָג צוריק אהיים געקומען, איז זי געווען טויטמיעד און אונצופריעדען: אין וואָס מען האט דאָס אן אזוינעם מיט א נאַכט פארבראַכט! אזעלכע פאַרגניגענס מיסטיינס געווען! א וואונדער ווי ער קען עס אויסהאַלטען!

— וועסט שוין זעהן אז כ'איז מיר ניטאָ וואָס מקנא צו זיין? — האט ער געזאָגט.

— זעהסטו אז איך האָב ווייניג וואָס הנאה פון דעם טומלדיגען אומעטיגען וואָס כ'מוז פיהרען צוליעב „ביזנעס" כדי דיר א רוהיגע, שטילע היים צו געבען?!

— און אזוי פיעל האט ער זיך אויף אזעלכע באַרט אוועגדען אָנגעהויבען פאר איהר צו באַקלאָגען, אז זי האט איהם געמוזט באַדויערען, מיטפיהלען און זיך נאָך פאר איהם ענטשולדיגען וואָס זי האט עס אויף אזוי פיעל ניט געוואוסט ביז ער האט איהר אין דעם ניט איבערצייגט...

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

„לינקער" אנטיסעמיטיזם

די בערלינער צייטונג „פאָרווערטס" מעלדעט, אז אין ליכטענבערג איז לעצטענס פאָרגעקומען א פארזאַמלונג פון אונאָבהענגיגע סאָציאַליסטען. דער אידישער סאָציאַליסט היעלמאַן האט זיך גענומען צום וואָרט, אבער די פארזאַמעלטע האבען איהם נישט געלאָזט רעדען און געשריען: „ארויס מיט'ן אידען איציק"... און איהם באַגלייט אויך מיט אנדערע אויסרופען.

געאָרג בראַנדעס און ציוניזם

אין קאָפּענהאַגען איז לעצטענס ערשינען א ניי בוך פון געאָרג בראַנדעס מיט'ן נאָמען „דער צווייטער טייל" פון דער וועלט טראַגעדיע", אין וועלכען ער באַשעפטיגט זיך מיט פארשידענע שלום פּראָבלעמען און באַריהרט אויך די אידען פראַגע בכלל און דעם ציוניזם בפרט.

אין דעם ווערק איז שוין בראַנדעס ניט דער זעלבער פריינד פון ציוניזם אין פון דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג ווי מיט צוויי יאָהר צוריק. בראַנדעס שילדערט ווידער אַלס אַסימילאַטאָר. ער ערקלערט אז אידען עקזיסטירען טויזענדער יאָהרען אַלס קלענערע און גרעסערע רעליגיעזע קבוצים און גאַנץ אייראָפּא באַטראַכט דאָס אידענטום בלויז אַלס א רעליגיאָן ניט אַלס א ראַסע.

וועגען ציוניזם שרייבט ער: „דער ציוניזם איז ניט מעהר ווי א נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע באַוועגונג. א היים לאַנד אין דער קליינער פאַלעסטינא וועגען גיבען א קליינער גרופּע מזרח־אידען וועלכע פיהלען זיך פארפאָלגט און היימלאָז א שטיקעל באָדען, אבער פאר די מענער און פרויען פון אידישער אָפּשטאַמונג וועלכע האבען זיך באַטייליגט אין די אוצרות פון דער ציוויליזאַציע, האט פאַלעסטינא א קליינע ווערט אַלס קולטור־וועג. ווייטער ערקלערט בראַנדים:

„איך האָב נאָר מורא אז דער ציוניזם זאָל אויך ניט פארוואַנדעלט ווערען אין א רעליגיעזער באַוועגונג".

ענגליכע אַטאַקעס אויפ'ן אידישען נאַציאָנאַליזם און ציוניזם זענען פאַראַן א סך אין בראַנדים בוך. דער זעלבער בראַנדעס וועלכער האט נאָך באַלפור'ס דעקלאַראַציע געשריבען, אז „דער ציוניזם איז אַנ'ערלעזונג פאר'ן געפייניגטען אידישען פאָלק, און א גוואַלדיגע מאָראַלישע שטיצע פאר די אידען אין גאַנץ אייראָפּא".

די לאַגע אין גליל העליון

נייע פראַנצויזישע טרופּען האבען צוריקגעטריבען דעם וועג נאָך מטולה. קיין נייע אידישע קרבנות זענען ניט געווען. דער קלאַנג אז טרופּען אין דור בריסק זענען גע'הרג'עט געוואָרען איז ניט ריכטיג. אויך די מיטגלידער פון אנדערע גרופּעס זענען געזונט. ווי נויר־

[illegible] זיך אין [illegible] אין עסענ־וואָרג.

מטולה איז ניט געצוואונגען עוואַקואירט געוואָרען. פיעלע פון די אַנטלאָפענע קערען זיך איצט צוריק.

דער רעגירענדער אינזשענער איז פיער גע'נזה'ט געוואָרען. די פראַנצויזישע סאָלדאַטען ניצען זיך אויך איצט מיט די מילך, בהמות און עופות פון די קאָלאָניע פאר זייער פערזענליכע באַדערפניסע.

אַרעסטירט פאר אן אַרטיקעל געגען מיסיאָנערען

פון ירושלים איז מען מודיע, אז דאָרט איז די טעג אַרעסטירט געוואָרען ה. אשר סאַפיר, דער פאַרוואַלטער פון דער העברעאישער צייטונג „דואר היום".

דער אַרעסט איז פאָרגעקומען צוליעב אַנ'אַרטיקעל וואָס ה. סאַפיר האט אָפּגעדרוקט אין דער ענגלישער צייטונג, וואָס געהט ארויס אונטער דער זעלבער רעדאַקציע און וועלכען ער איז שאַרף ארויסגעטראָטען געגען די מיסיאָנערישע שולען.

די פאַראָרדנונג איהם צו אַרעסטירען איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון דער אַראַבישער פאַרוואַלטונג.

ה. סאַפיר איז ביז'ן משפט ארויסגעלאָזען געוואָרען אויף קויציע.

די אידען אין לעטלאַנד

די אידען אין לעטלאַנד, וועלכע צעהלען אן ערך 10 טויזענד נפשות פיהרען אן אן ענערגישען קאַמף פאר זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. ווי באַקאַנט, איז אין לעטלאַנד פּראָקלאַמירט געוואָרען דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, און צוגלייך מיט די איבעריגע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען (דייטשען און רוסען) האבען אויך די אידען פאַרטיידיגט זייערע רעכט אַלס נאַציאָן אין די מלוכה־אינסטיטוציעס. זיי האבען ערוּבערט וויכטיגע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס. די פאָלקס־שולען און אנדערע לעהר־אַנשטאַלט, למשל, האבען באַקומען סובסידיעס פון דער שטאָדט ריגא און די אינערליכע ענינים פלעגען רעגולירט ווערען בלויז דורך די אידישע פּאַרטייען. די איינציגע פאָרדערונג מצד דער לעטישער רעגירונג איז געווען, אז די לעטישע שפּראַך זאָל איינגעפיהרט און באַטראַכט ווערען אַלס אָפיציעלע מלוכה־שפּראַך. בנוגע דער אונטעררינכטס־שפּראַך אין די שולען איז אויף א באַראַטונג מיט די אַנגעזעהענע פּאַרטייען אָנגענומען געוואָרען א פשרה־פאָרשלאַג, לויט וועלכען דער אונטעררינכט אין די נידריגע קלאַסען פון דער פאָלקס־שול ווערט אין אידיש און די העכערע קלאַסען אין העבראַיש. אין דער רעאַל־שול אבער וועט די אונטעררינכטס־שפּראַך זיין לעטיש „טעכנישע סבות" זיין רוסיש.

די אידישע פאָרטרעטער האבען איבערגעגעבען דער רעגירונג א געזעץ־פּראָיעקט בנוגע דער אויטאָנאָמיע פון די מינדערהייטען. דער פּרעמיער־מיניסטער, אולמאַניס האט זיך נישט ארויסגעזאָגט געגען דעם דאָזיגען פּראָיעקט און אויסגעדריקט די האָפנונג, אז ער וועט אויך אָנגענומען ווערען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. די לעטישע „דעמאָקראַטיע" האט אבער אָנגענומען אַנ'אַנדערע שטעלונג. זי האט נישט בלויז אָפּגעשטעלט דעם באַשלוס וועגען דעם פּראָיעקט אויף אַנ'אונבאַשטימטע צייט, נאָר האט אויך אָנגענומען בנוגע דער „אונטערטאַנשאַפט" א געזעץ, וועלכעס איז ספּעציעל געווענדעט געגען די אידען. לויט דעם דאָזיגען געזעץ ווערען די איינוואוינער, וועלכע זענען נישט געבוירען געוואָרען אין לעטלאַנד, הגם זיי וואוינען שוין צעהנדליגע יאָהר אין לאַנד, ערקלערט פאר אויסלענדער. זיי האבען די רעכט צו ווערען לעטישע אונטערטאַנען. ווע דאָס דאָזיגע געזעץ איז אָנגענומען געוואָרען מיט די שטימען פון אלע לעטישע פּאַרטייען. אויך די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האט געשטימט דערפאַר) האבען די אידישע דעפּוטאַטען פאַרלאָזען דעם זאַל. דער „בונד" איז געצוואונגען געוואָרען ארויסצוטרעטען פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער פאָרשטעהער פון די פאַראייניגטע אידישע סאָציאַליסטען, וועלכע די פּאַרטייען האבען דעלעגירט אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג איז אָפּגערופען געוואָרען.

די פּרעסע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען איז פאַרבאָטען געוואָרען, ווייל זי האט פּראָטעסטירט געגען דעם דאָזיגען באַשלוס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען דורך א פאָלק, וועלכעס איז מיט א יאָהר צוריק נאָך אליין געווען אונטערדריקט.

פאר וועמעס שאָדען?

פּוילען פאַרלאַנגט פון רוסלאַנד א שאָדענערזאַץ.

פאר וועלכען שאָדען? — פאר דעם שאָדען, וואָס די פּאָליאַקען האבען געמאַכט אין רוסלאַנד?...

* * *

„ספּעציעל פאר'ן „וועג"

די לעזער פון „וועג" האבען מסתמא באַמערקט אז איבער די אַרטיקלען וואָס זיינען געדרוקט געווען אין „וועג" זייט די לעצטע פּאָר חדשים פלעגט שטעהן א קליינע שורה: „ספּעציעל פאר'ן וועג." דאָס האבען מיר געטאָן דערפאַר ווייל זינט אונזער רעדאַקטאָר ב. י. גאָלדשטיין האט איבערגענומען די רעדאַקציע האט ער באַשטעלט אין ניויאָרק און אנדערע גרויסע צענטערן און אויך אין אויסלאַנד מיטאַרבייטער.

די לעזער אבער פון דער פּראָווינץ זיינען נישט געוואוינט געווען צו טעגליכע פּראָווינץ צייטונגען וואָס זאָלען אויסגעפילט זיין מיט אַרטיקלען, סקיצען און ליעדער ספּעציעל געשריעבען פאר דער צייטונג. האָבן מיר דאָרום מיט דער דאָזיגער שורה (ספּעציעל פאר'ן „וועג") איבערצייגט די לעזער אז אונזער צייטונג האט זיך מיט'ן אָנקום פון אונזער רעדאַקטאָר ב. י. גאָלדשטיין געשטעלט די אויפגאַבע נישט אויסצופילען די שפּאַלטען פון דער צייטונג מיט פרעמדע, איבערגעדרוקטע אַרטיקלען. אין „וועג" באַטייליגען זיך אָנערקענטע פּובליציסטען, הומאָריסטען, פעליטאָניסטען און פּאָעטען; דער „וועג" האט קאָרעספּאָנדענטען אין אויסלאַנד און אין ניויאָרק; דער „וועג" לאָזט נישט פאַרביי קיין איין וויכטיגע געשעהניש און פּאַסירונג אין דעטראָיט; יעדע אידישע פּאַסירונג ווערט נישט נאָר געמעלדעט, נאָר אויך באַלויכטען און ארומגערעדט ערוטאָקריטיש אָדער אין אן אַרטיקעל; יעדע אָרגאַניזאַציע, פאַראיין אָדער סאָסייעטי געפינט נישט נאָר פּלאַץ פאר איהרע באַריכטען, נאָר א פּלאַץ פאר אַגיטאַציע־פּראָפּאַגאַנדע אָדער לענגערע ערקלעהרונג וועלכע העלפט דער פּאָפּולאַריטעט פון פאַראיין און צו איהרע ערפאָלגען.

מיט איין וואָרט דער „וועג" באַמיהט זיך צו זיין דאָס וואָס איהר רעדאַקטאָר האט פאַרשפּראָכען: — א ריינע און אַנשטענדיגע דעטראָיט'ער טאָג־צייטונג.

דאָס מענעדזשמענט.

מאַנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאַנישעוויטץ'ס. דעריבער דאַרפט איהר אין זינען האבען ווען איהר אָרדערט אייער מצה ניט צו זאָגען „סינסינעטי מצה", נאָר אויסדריקליך פאָדערען

מאַנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאַכט קלאָר פאר אייער גראָסער, פעדלער אָדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נאַרען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאָלט האבען מאַנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאָר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאַנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פאַרפעל, קומען אַרויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאַקער און בעסער

ניו־יאָרק אָפיס:
1 יוניאָן סקווער

די ב. מאַנישעוויטץ קאָ.
סינסינעטי, אָהייאָ

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO

Levine Matzo Co.
Agents for Michigan State
Detroit Office 255 Napoleon St.

מישיגאַן סטייט אַגענטען:
לעווין מצה קאָמפּאַניע
דעטראָיט אָפיס: 255 נאַפּאָלעאָן סט.

קאַפּלאַן'ס באַרגיין סטאָר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאָלגענדע ליינס:

קאָמפּליט ליין פון סילקס, וואָלענס און קאָטין גודס. פערשידענע פענסי אַרטיקלען ווי, בעד ספּרעדס, קוירטענס; טייבעל קאָווערס; שעמס און קאַרפּעטס. קאָמפּליט ליין אין ליידיס פענסי אַנדערוועהר און קאָרסעטס. מענס פאַרנישינגס און אַנדערוועהר.

ספּעשעל! ספּעשעל!

א גרויסער אַסאָרטמענט און וואָלענס פאר מענער און בויס סוטס און קאָוטס. א קאָמפּליט ליין פון טיילאָר און דרעסמייקערס טרימינגס.

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים אין

— דורך דער —

פּיפּלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פּאָסט קאָסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אַמע־ריקאַנער דאָלאַרס.

קעדילאַק 2061

ביכער און שפייז

פון ב. י. ג—ן

צו מאכען אן אויסוואהל פון שפייז ווייסען שוין מעהר וועניגער די מענשען. מען ווייס וואס שלעכט איז, וואס שעדליך איז. מען ווייס מיט וועלכע מאכלים מען קען זיך פארדארבען דעם מאגען און וועלכע מאכלים זיינען שווער צום פארדייען; מען ווייס וואס פאר א מאכלים צו עסען פאר׳ן אנבייסען און וועלכע פאר דער וועטשערע.

מען ווייס אויך, מעהר — וועניגער, וועלכע מאכלים זיינען זעטיג און וועלכע נישט, וועלכע זיינען גוט פאר א קינד און וועלכע פאר אן עלטערען מענשען.

מען ווייס וואס אבער נישט בנוגע די גייסטיגע מאכלים.

מענשען לייענען אליין און געבען זייערע קינדער צום לייענען ביכער וואס זיינען נישט פאסיג, מאנכעס מאל אויך שעדליך.

פאראן מענשען מיט א שטארקען חשק צו לייענען, אבער זיי זיינען נישט פארזיכטיג אין זייער אויסוואהל. זיי זיינען אין זייער לייענען לייכט־זיניג. זיי האבען קיין סיסטעם נישט ווי אזוי צו שפייזען זיך מיט די גייסטיגע מאכלים.

עס איז דערום קיין וואונדער נישט וואס זיי שפייזען זיך און שפייזען זיך און אין קאפ בלייבט גארנישט, אדער זעהר ווייניג.

האט איהר געטראכט אמאל מיט רייזענדע, אדער מיט וואנדערער — אומעטום זיינען זיי דא, אין יעדער שטאדט האבען זיי פארבראכט א פאאר טעג, אדער א פאאר שטונדען — עפעס באשטימטעס, עפעס א וויכטיגען, קלאהרען איינדרוק, א ווירקליכע איבערצייגונג האבען זיי פון קיין שטאדט נישט.

די זעלבע ליעבהאבער רייזענדע זיינען אין איין יאהר אויס אין א סך שטעדט און שטעטליך. האבען געזעהן הונדערטער און טויזענדער מענשען — וואס זשע האבען זיי געהאט פון די אלע מענשען און וואס האבען דיזע אלע מענשען געהאט פון זיי?

גארנישט! לחלוטין גארנישט.

זיי האבען טויזענדער מענשען געזעהן און אפשר קיין איין פריינד זיך נישט ערווארבען.

דאס זעלבע מוז געשעהן מיט דעם וואס לייענט א סך ביכער אהן א סדר, אהן א טאקט.

ער לייענט א סך און ווייס גארנישט. ער באקענט זיך מיט א סך נעמען פון שרייבערס, ער קען אבער נים איבערלאזען ביי זיך אין געדאנק איין ווערק פון די אלע שרייבער, און נאך ווייניגער קען ער עפעס אפלערנען פון זיי.

א קראנקער מענש וואס נעהמט איין צעהנדערליי רעצעפטען פון צעהנדערליי דאקטוירים — אזא חולה וועט נים געזונט ווערען, וועט קיין רפואה נישט האבען. און א מענש וואס שטאפט זיך אן מיט ביכער אהן א סדר קען קיין שום נוצען נישט האבען פון זיי.

מען זאגט אפטמאל אויף איינעם: — „יענער איז אן ענטוויקעלטער מענש".

א מענש, א רויהער קען זיך ענטוויקלען גייסטיג ווען ער האט א גוטען ערציהער, פונקט ווי א יונג, רוי ביימעל קען זיך ענטוויקלען ווען עס האט א גוטע אומגעבונג און ווען עס ווערט אפגעהיט פון א גוטען באטאניקער.

נעהמט זשע דאס ביימעל און לאזט עס אויף קיין ארט נישט איינשטעהן; נעהמט דאס ביימעל און זעצט דאס אלע מאל איבער אין אן אנדער פלאץ, אין אן אנדער ערד, און בפרט שיין פון פארשידענע קלימאטען, וועט דאס באין אופן זיך נישט ענטוויקלען.

איהר טרעפט אמאל מענשען א גילעזענע, בוך־ווערים, וועלכע זיינע צעמישט, צעדרעהט. דאס איז דערפאר וואס זיי האבען געשלונגען ביכער. זיי האבען געלייענט אהן א סדר. א סך געלייענט און ווייניג נוצען געהאט. און נישט נאר נוצען נישט געהאט, נאר אויך געשעדיגט געווארען. לייענען א סך און אהן א סדר מוז האבען די זעלבע ווירקונג אויף דעם מענשענס מוח ווי א סך עסען און אהן א סדר האט אויף דעם מענשענס גוף.

עס מיינט נישט אז מען מוז דורכאוים לייענען ביכער פון אלין איינע שרייבער, אדער פון אלין איין מין שריפטען.

ניין, דאס איז לאו דוקא.

מען קען לייענען פארשידענארטיגע ביכער.

אבער דאס דארף זיין מיט א סדר.

א מענש לייענט ביכער פון איין מין וויסענשאפט און קען דאך אבער פון צייט צו צייט א כאפ טאן א בוך פון אן אנדער שרייבער, פון אן אנדער וויסענשאפט, נאר גאר בעלעטריסטיק.

דאס אבער דארף זיין אן אפרוה, אדער צוליעב אומבייט פאר פארשידענארטיגקייט.

מענשען זוכען אלע טאג נייע כחות זיך צו ערווערבען. זיי מיידען זיך אוים און קריגען באלד נייע קרעפטען. פונקט אזוי דארף יעדער, וואס איז ביכולת, צו שאפען זיך אלע טאג נייע גייסטיגע כחות. ער דארף יעדען ליעבען טאג גייסטיג זיך קרעפטיגען.

צום עסען גיט מען פארשידענע מאכלים.

עס זיינען אבער פאראן די הויפט עסענווארג, וואס ווערען גענוצט ספעציעל אויף צו קרעפטיגען דעם מענשען. אזוי איז עס אויך מיט ביכער. עס זיינען פאראן לייכטע פארבייסונגען, לייכטע ערצעהלונגען, נאשערייען, צימעסען, בעלעטריסטיקע, מעשה׳לעך — דאס איז א מין פרפראות, וואס מאכט לייכטער די פארדייאונג.

דאס זיינען אבער אלין געבען־זאכען, געבען־ביכער.

יעדער מענש דארף זיך אויסקלייבען איין מין ביכער פון וועלכע ער זאל ציהען זיין הויפט יניקה. די אנדערע זאכען זיין א מין צובייס, א פארדייאונגס שפייז.

מענשען קויפען זיך אן א סך ביכער, פון וועלכע זיי האבען קיין נוצען נישט.

עס זיינען פאראן אויך אינטעליגענטע און געלערנטע מענשען, וואס קויפען א סך ביכער, אבער ביי זיי קען אמאל צוליעב איין ווארט נויטיג זיין צו קויפען א גאנצען בוך. אנדערע קויפען ביכער פאר ציהרונג.

פונקט ווי עס איז נאריש צו קויפען א סך שפיגלען און א סך מעבעל אזוי איז עס נאריש צו פארען זיך אן א סך ביכער פון פארשידענע שרייבער און קיינמאל זיי נישט עפענען.

ביכער דארף מען קויפען נאר די, וואס מען לייענט און די וואס מען קען לייענען מעהרע מאל.

אנקויפען ביכער פאר שעהנקייט, האט פונקט דעם אייגענעם זינען ווי אנקויפען א סך ציהרונג.

דער דאלאר שגאון

פון לארנעטע

פון א דאלאר איז עס איהם נעביך געקומען, פון אן אמעריקאנעם דאלאר...

א פאר דאלארס זענען איהם אריין אין קאפ און האבען איהם דארט א קלעפקע געריהרט.

כמעט יעדען טאג באגעגען איך איהם אויף דער נאלעווקים, וואו ער לויפט ארום מיט א פארפלאמט פנים און מיט א פאר ווילד אויסגעגלאצטע אויגען, ער האלט אין איין מאכען מיט די הענט און אין איין ריידען און חשבונען.

„איין דאלאר הונדערט און דרייסיג מארק, הונדערט און דרייסיג מארק איין דאלאר.. צעהן דאלאר טויזענד מיט דריי הונדערט מארק, טויזענד מיט דריי הונדערט מארק, צעהן דאלאר..! הונדערט דאלאר, דרייצעהן טויזענד מארק, דרייצעהן טויזענד מארק הונדערט דאלאר.. אייאויאוי, דרייצעהן טויזענד מארק! האחאחא, דרייצעהן טויזענד מארק!...

פון צייט צו צייט טוט ער זיך האסטיג א בויג אראפ אויפ׳ן טראטואר און ווילד אויסשרייענדיג: „א דאלאר! גיט ער עפיס א כאפ מיט ביידע הענד און הויבט אויף א פארבלאטיגט — קארמעלקע־פאפירעלע..

ביינאכט חלומ׳ען זיך איהם דאלארס און עטליכע מאל אין דער נאכט כאפט ער זיך אויף מיט א געוואלד צוליעב די שרעקליכע דאלארחלומות.

אין דער פריה אזוי ווי ער מאכט נאר אויף די אויגען טוט ער א כאפ די צייטונגען און הויבט אן שלינגען די „בערזע־קורסען", באפענדיג זיך בסדר פאר׳ן קאפ.

„הונדערט פיער און דרייסיג מארק! הנה? הונדערט פיער און דרייסיג מארק א דאלאר! איין דאלאר הונדערט און פיער דרייסיג מארק! צעהן דאלאר דרייצעהן הונדערט און פיערציג מארק! דרייצעהן הונדערט און פיערציג מארק איין דאלאר! הונדערט דאלאר, דרייצעהן טויזענד און פיער הונדערט מארק! דרייצעהן טויזענד און פיער הונדערט מארק איין דאלאר! זאחאחא! דרייצעהן טויזענד און פיער הונדערט מארק! אויאויאוי, דרייצעהן טויזענד און פיער הונדערט מארק!

א צעקאכטער לויפט ער דאן ארום איבער׳ן צימער און הויבט אן שרייען צו דער דינסט, זי זאל איהם אריינדערלאנגען א גלאז דאלארס... א גלאז טיי הייסט עס.

ביים פריהשטאק בייזערט ער זיך, אז ער קאן דעם היינטיגען דאלאר אין מויל נישט נעהמען... דעם הערינג מיינט ער, און די קינדער מוסר׳ט ער, פארוואס זיי דרעהען זיך ארום פוסט און פאס און מאכען נישט די דאלארס... די לעקציעס הייסט עס.

דאס הויזגעזינד קוקט אויף איהם צעטראקען און זיפצען אין דער שטיל. ער אבער כאפט אויף זיך די קאפאטע און ארויסגעהענדיג פון שטוב ארויס שרייט ער ארין ביי דער טיר צום ווייב, אז זי זאל איהם למען השם היינט אויף מיטאג קאכען דאלארס... לאקשען מיינט ער.

א ליאדע טאג וועט דער דאזיגער מענש איינגאנצען חלילה פון זינען אראפ, און אלין איבער די דאלארס, איבער די אומגליקליכע אמעריקאנער דאלארס.

מעגליך, אז דער אומגליקליכער אי[illegible]שט איינגאנצען האפענונגסלאז. קוים ווי דאקטוירים זאגען, וואלט מען איהם גאנץ שנעל געקענט אויסהיילען פון׳ם דאזיגען מטורף: די איינציגע רפואה דערצו איז — עטליכע הונדערט דאלאר..

(„מאמענט" — ווארשוי.

פון דער ענגלישער פרעסע

(שלוס פון זייט 4.

פארשטעהן אהן באמערקונגען און קאמענטארען פון די געהיימע דיפלאמאטען. דאס איז ווערקלעהרבאר דורך דעם מענשענ׳ס פארלאנג צו קויפען דארטען, וואו ער קען קריגען פאר זיין געלט אממעהרסטען".

צו די אנגעגעבענע אורזאכע פאר׳ן האנדעל מיט רוסלאנד איז די איינאיינציגע, אדער ס׳זענען דא נאך אנדערע סאציאל־עקאנאמישע אורזאכען, איז פאר אונז איצט נים וויכטיג. אינטערעסאנט אבער איז, ווי אזוי וועלט־פראבלעמען ווערען אזוי איינפאך ערקלערט.

שפריצען

(שלוס פון זייט 4

א שעהנער סעטעלמענט פון דער אירישער פראגע! עס איז אלצאיינס ווי מ׳זאל סעטלען א סכסוך צווישען א פאר פאלק, אז דער מאן זאל וואוינען אין רעטדאים און די פרוי — אין שיקאגא.

* * *

אן איינפאל

ליידי אסטאר, וועלכע איז אין ענגלאנד ערוועהלט געווארען צום פארלאמענט, האט לעצטענס געעפענט א סטאר, אין וועלכען מען פארקויפט ביליג סאניטארע זאכען פאר ארימע קינדער.

איצט, אז מען רעדט פון דער דאזיגער ליידי, קען מען זאגען אנשטאט ליידי אסטאר אין איין אטהעם, אט אזוי: ליידי א... סטאר.

אנערקענט!

דער טשעכא סלאוואקישער פארלאמענט האט אנערקענט די אידען אלס נאציאן...

נו, א צייט! ס׳איז אלין איינס ווי זאגען, אז די אייער האבען אנערקענט די הינער, אדער די אזערע האט אנערקענט דעם ים...

* * *

א פאפירענער גודל

אין בערלין האט מען איצט איינגעשטעלט א הויז פון פאפיער.

דייטשלאנד׳ס פאפירענער מזל! צוליעב דעם וואס זי האט די טריטי מיט בעלגיען ערקלעהרט פאר א „סקרייפ אוו פייפער", מוזען די דייטשען איצט טראגען פאפירענע הויזען, וואוינען אין פאפירענע הייזער און האבען א סאציאליסטישע פרייהייט — אויפ׳ן פאפיער...

ערקלעהרט אליאירטע הלואה־פארשלאג צו דייטשלאנד

בערלין, מארטש 9 — די צייטונג „אכטאור אבענדבלאט" באריכטעט דאס דער פארשלאג פון די עלייעס צו העלפען עקאנאמיש דייטשלאנד איז געקומען צוליעב דער ענטדעקונג, אז אונטערהאנדלונגען קומען פאר צווישען דייטשלאנד און אמעריקא וועגען א הלואה פון 400 מיליאן דאלאר. דאס דאזיגע געלד האט דייטשלאנד נויטיג פאר קרעדיט־צוועקען, אום צו באקומען פון די פאראייניגטע שטאטען שפייז און רויע מאטעריאלען.

בית יתומים

א מיטינג פון בית יתומים ווערט אפגעהאלטען

אין אוטאפיע האל

קאר. היי און הייסטינגס

דיענסטאג מארטש דעם 16-טען

אום 8 אוהר אווענט

זייט וויסען אז מיר שיקען נים־מעהר קיינע לעטערס פאר קיין מיטינג. מר לאזען דאס וויסען דורך דער פרעסע.

זונטאג מאססמיטינג

ארטורא דזשיאוואניטא דער איטאליענער פאעט

און דזשייקאב מארגאלים פון פיטסבורג

וועלען דערצעלען דעם עולם דעם אמת וועגען דער טרויעריגער לאגע פון די פרויען און קינדער פון די רוסישע דעפארטיס

ארענא גארדענס

1253 וואשינגטאן עוו.

זונטאג מארטש 14-טען

2 אוהר נ. מ.

ברענגט אייערע פריינד.

ספרינג פעשאן אויסשטעלונג

איינענשאפטליכקייט און סטייל אין

ספרינג קאוטס

פיר פרויען און מיססעס

א סעלעקשאן, וועלכע ענטהאלט ספארט קאוטס, און פאלא קלאטה, סילווערטאן, ענגליש מיקסטשורס באליוויא און קאווער קלאטה, קומט יצונעה.

האי גרייד עקסקלוזיוו

ספרינג סקוירטס

באקס פלידער און טיילארד סטייל אויסערגעווהנליכע ווערליום אין וואול פאפלין און סוירדזשעס ב... נעט, באטאנס, טרימט גוידרעלס און פאקעטס

SOL. SHAPIRO. Prop.

לעצטע פעשאנס אין

ספרינג דרעסעס

פיר פרויען און מיססעס

מארעלס פון טאפעטא, סאטין, דושארזשעט, טריקאלעט, טריקאטין, גרויסארטיגע קאמבינייטשאנס מיט טרימינג וועלכע זיינען א נאס און אנדעריש ווי דאס וואס איהר האט געזעהן ביז יעצט, קומט און איבערציגט אייך.

נייע מאדעס אין

ספרינג סוטס

די אויסגעקליבענסטע סטיילס פון דעם סיזאן, א פארשיעדענארטיגקייט פון וואהרע און קאלירען, קומט און באטראכט דאס

באקאנטמאכענדיג די נייע ספרינג

קארסעטס

די לעטסטע פון פריהלינג אין אונזער אויסשטעלונג פון

וויסטען אין אלע קאלירען

סייזעס פון 38 ביז 56.

וועליום וועלכע זיינען ווערטה מ׳זאל זיך דאס גלייך ערווערב ען.

THE NEW YORK CLOAK & SUIT HOUSE

Cor. Winder 440-442 HASTINGS ST. Cor. Winder

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

The Detroit Jewish Daily

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Sunday, March 14th 1920 Vol. 2, No. 27 זונטאג, מארטש 14-טער, 1920

מיליטער-מאנארכיסטישע איבערקעהרעניש אין דייטשלאנד

עבערט'ס רעגירונג איבערגעפיהרט אין דרעזדען, גענעראל סטרייק ערקלעהרט אין פראנקפורט

פאריז, מארטש 13. — א מאנארכיסטישע רעוואלוציע איז פארגעקומען אין דייטשלאנד, ווי דעפעשעס טיבען איבער פון בערלין איז היינט א פראקלאמאציע ארויסגעגעבען געווארען, וואו ס'ווערט ערקלערט, אז די מילוכה-רעגירונג הערט אויף צו עקזיסטירען. און אז די שטאט-מאכט געהט אריבער אין די הענט פון גענעראל דירעקטאר פאן קאפ, וועלכער איז באשטימט געווארען אלס קאנצלער. דער נייער קאנצלער האט באשטימט גענעראל פון לוטוויטש אלס הויפט קאמאנדיר פון די דייטשע ארמייען. די זעלבע פראקלאמאציע ערקלערט די נאציאנאלע פארזאמלונג אלס פונאנדערגעלאזט. א נייע רעגירונג ווערט צוזאמענגעשטעלט. די סאציאליסטישע פארטייען האבען ערקלעהרט א גענעראל סטרייק.

די פראקלאמאציע וועגען דער איבערקעהרעניש איז ארויסגעלאזט געווארען, נאכדעם ווי די סאלדאטען, וועלכע זענען געקומען צוריק פון די באלטישע פראווינצען האבען פארכאפט די ווילהעלמס-שטראסע, די גאס וואו די רעגירונגס געביידען געפינען זיך.

די פראקלאמאציע, וועלכע איז ארויסגעגעבען געווארען אונטער פאן קאפס חתימה, זאגט, אז דער מאנדאט פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג אויסצוארבייטען א קאנסטיטוציע און צו מאכען שלום איז געענדיגט. „אזוי שנעל ווי מיר וועלען איינפיהרען ארדנונג — ווערט דארט געזאגט — וועלען מיר באשטימען נייע וואהלען".

צעהן אזייגער בייטאג איז דער אויסזעהן פון בערלין געווען נאך אלץ ווי געוועהנליך. דער פארקעהר פון שטאט איז געווען דאס זעלבע, ווי קיין זאך וואלט פאסירט. די פראקלאמאציע איז ערשינען, ווען א סאלדאט, באוואפענט פון קאפ ביז די פיס, איז צוגעריטען צו א גרופע מענשען אויף א ווינקעל גאס און האט די פראקלאמאציע אויפגעהאנגען, דערנאך זענען אלע ווינקלען-גאסען פון שטאט געווען באקלעפט מיט די זעלבע פראקלאמאציעס.

סטרייק, אלס דער איינציגער מיטעל צו באקעמפפען דאס אומקעהרען פון ווילהעלם'ען

בערלין, מארטש 13 — א פראקלאמאציע איז ארויסגעגעבען געווארען פון דעם אלטען רעזשים (עבערט'ס רעגירונג) וועלכע רופט דאס פאלק צו אן אלגעמיינעם סטרייק, אלס דער איינאיינציגער מיטעל געגען דעם אומקעהרען זיך פון ווילהעלמ'ען דעם 2טען.

די פראקלאמאציע לעזט זיך, ווי פאלגט:

„סטרייקט! הערט אויף צו ארבייטען! דערשטיקט די מיליטערישע דיקטאטור! קעמפט מיט אלע אייערע כחות אפצוהיטען די רעפובליק! לעגט אוועק אן א זייט אלע מיינונגס-אונטערשיידען. ס'איז דא נאר איין מיטעל געגען דעם אומקעהרען זיך פון ווילהעלמ'ען, דעם 2-טען: פאראליזירען דאס גאנצע עקאנאמישע לעבען. קיין איינציגע האנט טאר זיך ניט באוועגען. קיין איין ארבייטער וועט ניט העלפען דער מיליטערישער דיקטאטור!"

מאנארכיע ערקלעהרט אין בערלין

לאנדאן, מארטש 13 — א טעלעגראמע פון פאריז מעלדעט, דאס די רעוואלוציאנערע טרופען האבען ערקלעהרט א מאנארכיע אין בערלין.

פאש רופט צוזאמען העכסטען ראט

פאריז, מארטש 13 — מארשאל פאש האט היינט צוזאמענגערופען א ספעציעלע זיצונג פון העכסטען ראט צו באטראכטען די איבערקעהרעניש אין דייטשלאנד.

פאן הינדענבורג אלס פרעזידענט

בערלין, מארטש 13 — ס'ווערט איבערגעגעבען, דאס פאן הינדענבורג וועט פראקלאמירט ווערען אלס אימפעריעלער פרעזידענט.

ווי ס'ווערט באריכטעט, האט זיך די רעוואלוציאנערע באוועגונג אונטער דערפיהרערשאפט פון די עקסטרעמסטע קאנסערוואטיווען שוין זיך פארשפרייט איבער די פראווינצען.

נאסקע האט געוואלט ארעסטירען הינדענבורג'ען און לודענדארפ'ען

קאפענהאגען, מארטש 13 — א טעלעגראמע פון בערלין צו דער היגער „בערלינסקער טידענדע" פון פרייטאג אוונט זאגט איבער, דאס פארטיידיגונגס-מיניסטער, נאסקע, האט פארארדנט דעם ארעסט פון פאן הינדענבורג'ען און לודענדארפ'ען אבער מ'האט זיי ניט געקענט געפינען.

עבערט'ס רעגירונג געפינט זיך אין דרעזדען

פאריז, מארטש 13 — ווי ס'ווערט געמעלדעט פון בערלין האט די עבערט-רעגירונג עטאבלירט איהר פלאץ אין דרעזדען, די הויפטשטאדט פון זאקסען.

די רעבעלירענדע טרופען האבען מיטגעבראכט קיין בערלין ארטילעריע.

ווי מ'גיט איבער האלב-אפיציעל, וועט אן אליאירטע ארמיי מארשירען אויף בערלין, אויב האהענצאלערנ'ס דינאסטיע וועט ערקלעהרט ווערען אין דייטשלאנד.

גענעראל סטרייק אין פראנקפארט

פראנקפורט, דייטשלאנד, מארטש 13. — אן אלגעמיינער סטרייק איז דא היינט ערקלעהרט געווארען. גרויסע מאסען ארבייטער פאראדירען אויף די גאסען.

סארדינסקי געקוילעט זיין פרוי אויס אייפערזוכט

מאקס סארדינסקי, וועלכער האט לעצטען שבת ערמארדעט זיין פרוי מיט א בוטשער-מעסער און געמאכט א פארזוך זיך אליין צו קוילענען מיט א „רייזאר", האט געגעבען ערקלעהרט פאר'ן אסיסטענט אטארני וואן ה. רינג, אז זיין פרוי האט איהם צושניטען דעם האלז מיט א „רייזאר", איידער ער האט זי ערמארדעט.

די פאמיליען-קריעג אין דער סערדינסקי פאמיליע, האט זיך אנגעפאנגען דערפון, וואס סערדינסקי איז געווען אייפערזיכטיג אויף א געוויסען ניק קוסציק, וועלכער איז געווען ביי זיי א באָרדער.

די מעשה וואס סערדינסקי האט דערצעהלט דעם אסיסטענט פראסעקיוטאר, איז אין קורצען ווי פאלגט:

דעם 6טען מערץ האט ער פארגעשלאגען זיין פרוי, זי זאל געהן לעבען מיט קוסציק'ן, ווייל זעהענדיג איבערגעטראגען איהר אפענע ליעבע צו זיין באָרדער, האט ער ניט געקענט. ער האט געשטעלט זיין באָרדער א באדינגונג, אז ער זאל איהם געבען געלט אויף אריבערפיהרען זיינע 2 קינדער קיין פענסילוועניע. קוסציק האט איינגעווילינט און געגעבען סערדינסקי'ן 20 דאלאר און דער „בארגיין" איז געווען געמאכט.

די גלייכגילטיגקייט פון זיין פרוי בנוגע דער גאנצער געשיכטע האט סערדינסקי'ן אויפגערעגט ביז משוגעת, האט ער געכאפט א „רייזאר", צוגעלאפען צו זיין פרוי און געזאגט:

— אויב דו האסט מיך ניט ליעב, טא נא דיר א רייזאר און שנייד מיר איבער דעם האלז".

„און איך האב — דערצעהלט סערדינסקי — אויסגעשטרעקט מיין האלז צו איהר. האט זי גענומען דעם רייזאר און מיר געגעבען א שניט איבער'ן האלז. ווען איך האב דערזעהן מיין בלוט, האב איך פארלוירען מיין באוואוסטזיין, האב איך געכאפט א בוטשער-מעסער און אנגעפאנגען שניידען און מעהר געדענק איך גאר ניט".

אויף ווי ווייט זיין מעשה איז אמת, איז א פראגע פאר דער פאליציי און פארן געריכט. קוסציק איז, ווייזט אויס, ביי דער סצענע ניט געווען. דערווייל שטעהט סערדינסקי אונטער א קלאגע פון ערמארדען זיין פרוי.

סאלון-קיפער בארויבט און ערמארדעט ביים שיין פון ליכטיגען טאג

איינע פון די שוידערליכסטע באנדיטעריען איז געשעהן אין דער פריה אפגעטאן געווארען ביי אונז אין דעטראיט.

פינף באוואפענטע באנדיטען האבען זיך אריינגעריסען אין סאלון פון דאן גלאווארדנאָ, 1160 ריאָפעל סטריט, דערהרג'עט דעם אייגענטימער אויף א ברוטאלען אופן און בארויבט $2,700.

ארום 8 אזייגער אין דער פריה זיינען די באנדיטען אריין אין יענעם סאלון און גענומען זוכען געלט. זעהענדיג, אז אין די פראנט איז קיין גרויס עשירות ניטא, זענען זיי אריין אין א הינטערשטען צימער און אנגעפאנגען אויפברעכען א טראנק, אין וועלכען עס האט זיך געפונען $2,700.

אין פארלויף פון דער צייט, וואס די באנדיטען האבען אויפגעבראכען דעם טראנק איז גלאווארדנאָו געווען פארנומען אין בייסמענט מיט האקען האלץ. ווען ער איז פארטיג געווארען, איז ער ערשינען אויף די טרעפ מיט א קופע האלץ אין ארעם פונקט דעמאלט ווען די באנדיטען האבען געהאלטען אין אנפאקען די קעשענעס מיט די בארויבטע געלט.

דריי באוואפענטע חברה האבען גלייך אנגעצילט רעוואלווערען געגען איהם און באפוילען ער זאל אויפהייבען די הענט. ער האט געדענקט, אז די גאנצע מעשה איז א שפאס און איז צוגעגאנגען נעהענטער צו זיי. באלד האט איהם איינער דערלאנגט א האק איבער'ן קאפ מיט א האמער און זיי זענען ארויס פון סאלון.

גלאווארדנאָו האט מיט אלע כחות זיך אנגעשטרענגט און געלאזען זיך געהן נאך זיי אין דרויסען. באלד האט א צווייטער באנדיט ארויסגענומען א האק און איהם דערלאנגט איבער'ן קאפ. א צובלוטיגטער איז דער אומגליקליכער קרבן געבליבען ליגען אין פראנט פון זיין סאלון אבער די באנדיטען האבען זיך דערמיט ניט באגנוגנט. אלע פינף האבען ארויסגענומען זייערע רעוואלווערען, אויסגעשאסען אויף דעם אומגליקליכען און אנטלאפען מיט די $2,700 וואס זיי האבען בארויבט.

גלאווארדנאָו'ס אן 8 יאהריגער פארקריפעלטער אינגעלע, וועלכער איז געלעגען אין א דערנעביגען צימער, האט דערהערענדיג די גוואלדען זיך שטארק צושריהען, אבער די באנדיטען האבען איהם ניט געטשעפעט.

דער בארטענדער הארפי, וועלכער איז אנוועזענד געווען אין סאלון אין צייט פון „האלד אפ", זאגט, אז אלע פינף באנדיטען זיינען איטאליענער.

צאהל פון שילער אין דעטראיט-ער סקוהלס האט זיך היבש פארגרעסערט

אין ערך פון 111,000 שילער זיינען אריינגעטראטען אין דעטראיטער סקוהלס דעם 1טען פעברואר, לויט א סטייטמענט וואס די היגע באארד אוו עדיוקיישאן האט לעצטענס ארויסגעגעבען. דאס איז א פארמעהרונג פון 6,690 איבער דער צאהל פון לעצטען יאהר אין דער זעלבער צייט.

פון די 114,000 שילער זיינען 17,809 געצוואונגען דורך פארשידענע אומשטענדען צו זיין אין סקוהל בלויז האלבע טעג. דאס ווייזט פונקטעסטוועגען, אז די צאהל „האלבע טעג שילער" איז עטוואס קלענער ווי עס איז געווען אין דעם ערשטען סקוהל טערמין פון איצטיגען יאהר.

אויף ווי ווייט די סקוהלס זיינען איבערגעפאקט, קען מען זעהן פון דעם פאקט וואס א גרויסע צאהל קירכען האלס און פאבליק בילדינגס אין פארשידענע טיילען פון שטאט, זיינען פארוואנדעלט געווארען אין קלאס-צימערן.

איטאליענער פאטער רעדט היינט וועגען טרויעריגער לאגע פון די פאמיליעס פון דעפארטירטע רוסען

היינט בייטאג 2 אזייגער וועט אין ארענא גארדענס, 1253 וואודווארד עוו. פארקומען א מאסען-פארזאמלונג, אויף וועלכער דער באוואוסטער איטאליענישער פאטער און ארבייטער פיהרער, ארטורא דזשיאוואניטי, וועט ערשיינען אלס הויפט-רעדנער.

די מאסען פארזאמלונג ווערט פארגערופען מיט'ן צוועק צו באקאנען דעם ברייטען אמעריקאנעם עולם מיט דער טרויעריגער לאגע, אין וועלכער ס'געפינען זיך איצט די פרויען און קינדער פון די רוסישע ראדיקאלען, וועלכע זענען פון'ם לאנד דעפארטירט געווארען. דער איטאליענישער פאטער איז ספעציעל צוליעב דעם געקומען אין דעטראיט.

אויף דער פארזאמלונג וועט אויך רעדען דער באריהמטער ארבייטער טוער, דזש. מארגאליס, פון פיטסבורג.

אויף דעטראיטער גאסען

דזשועלרי סטאר באגנב'עט אויף $3,500

לעצטען פרייטאג אוונט איז א חברה-מאן אריין אין סטאר פון ד. פ. לענטאן, 583 וואודווארד עוו., און געבעטען מ'זאל איהם צייגען א פאר דיאמאנט-רינגען.

א פרייקלוירק פון יענער סטאר, מיט'ן נאמען בלאנש באיוואן האט ארויסגענומען צוויי קעסטלאך מיט רינגען און צוגעטראגען דעם „קאסטימער". דער חברה-מאן האט ניט לאנג געווארט — געכאפט ביידע קעסטלאך און געמאכט פליטה.

פאטרולמען הענ[illegible] דזש. וואלרייווען וועלכער האט פונקט פארביי שפאצירט די סטאר און געזעהן דעם גנב לויפענדיג, האט ערקלעהרט אז ער האט זיך אפגעהאלטען פון שיסען, ווייל עס זיינען דארטען געווען צו פיעל מענשען, און נאך איידער ער האט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען איז שוין דער גנב געווען פארשוואונדען אינ'ם גרויסען מענשען געדרענג.

$2,000 ווערט פון דזשועלרי געגנב'עט פון א פריוואט הויז

מרס. לאוועל ה. טארנבול, פון 2247 וועסט גרענד בולווארד, האט באריכטעט צו דער פאליציי, אז מען האט זי לעצטען פרייטאג באגנב'עט אין $2,000 ווערט פון דזשועלרי.

מרס. טארנבול האט דערצעהלט אז איהר דזשועלרי איז פארשוואונדען נאכדעם ווי א ניגערטע, וואס האט ביי איהר גערייניגט דאס הויז איז אוועק א היים. די ניגערטע האט אנגעגעבען איהר אדרעס ערגעץ [illegible]או אויף מאנראע עוו. אבער ווען די פאליציי איז געגאנגען אהין מאכען אן אונטערזוכונג, האט זיך גאר ארויסגעוויזען, אז דארטען איז א פעקטארי.

ביינאכט האט מען באגנב'עט זיין הויז און אין צו פריה — זיין סטאר

מר. רעגנער, פון דער פירמע רעגנער און גראין, אייגענטימער פון א קלארינג סטאר אין 943 גרענד ריווער עוו., איז לעצטען פרייטאג פריה אויפגעשטאנען פון שלאף און זיך געכאפט אז גנבים האבען צו רעכט געמאכט זיין הויז-דזשועלערי.

א פארזארגטער איז מר. רעגנער אוועק צו איהם אין סטאר, און אויסגעפונען, אז אויך די סטאר האט מען באלקח'ענט אין דער זעלבער נאכט א צאהל זיידענע העמדער און אנדערע סחורות, אין ווערט פון $1,500 איז פארשוואונדען איבער נאכט.

15 יאהריגער באי דערהרג'עט פון אן אויטאמאביל

דורכקרייצענדיג מעק עוו. לעצטען פרייטאג פארטאג, איז אנטאני קושובא, א באי פון 15 יאהר דערהרג'עט געווארען פון אן אנלויפענדען אויטאמאביל.

באי שפרינגט פון איין אויטאמאביל אין צווייטען און ווערט פארוואונדעט

מארשאל סייבעל, 11 יאהר אלט, פון 195 לאבעל עוו., היילאנד פארק, ליעגט איצט אין גרייס האספיטאל, אלס רעזולטאט פון א שטיפעריי. דער באי איז געפאהרען אין א מאטאר-טראק און האט געוואלט ווייזען א קונץ אריבערצושפרינגען פון'ם טראק אין א לויפענדען אויטאמאביל.

באנדיטען גראבען א טונעל צו א באנק

א טונעל, 6 פוס טיעף פאנגט זיך אן פון א וואוינונג אין 376 גארפיעלד עוו. און ציהט זיך ביז'ן פיפעלס סטייט בענק, אויף דער זעלבער גאס, איז ענטדעקט געווארען פון 312 פארעסט עוו. איסט.

פרוי פון ערמארדעטען ווינדזאר'ער אידען זאגט בראון ניט דער מערדער

מרס. אנא ראפאפארט, פרוי פון דעם ערמארדעטען אידישען בוטשער אין ווינדזאר, איז פרייטאג געקומען קיין דעטראיט מיט דעם צוועק אנצוקוקען דעם באנדיט בראון, וועלכער איז יעצט אונטער ארעסט צוזאמען מיט נאך צוויי פאר בארויבען דעם מיילס-טעאטער, און אויף וועמען די היגע פאליציי האט געווארפען א חשד, אז ער איז דער מערדער פון איהר מאן.

נאכדעם ווי מרס. ראפאפארט האט גוט באטראכט דעם חברה-מאן, האט זי ערקלעהרט, אז ער [illegible] דער מערדער פון איהר מאן. צ[illegible] מרס. ראפאפארט איז אויך ג[illegible]עהן איהר שוואגער, מאקס ראפאפארט. ער האט ערקלעהרט דעם אינספעקטאר וויליאם גוד, אז זיי האבען ניט קיין קרובים אין פילאדעלפיא, און פאלגליך האט די אויפשריפט, „דזשייקאב ראפאפארט, פילאדעלפיא", וואס מען האט געפונען ביי בראונען אין נאטיץ-ביכעל, גאר ניט צו טאן מיט דער פאמיליע ראפאפארט פון ווינדזאר.

[illegible]ען פון דעם באקאנטען אדוואקאט ליסס און וועט געדרוקט ווערען אין צייטונג. שרייבט אייערע פראגען אויף איין זייט פאפיר און חתמ'עט זיך. אויב איהר ווילט ניש האבען געדרוקט אייער נאמען, שרייבט דערביי צו אז איהר ווילט מען זאל אייער נאמען נישט דערמאהנען.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

אין „וועג" זיינען שוין געווען געדרוקט די פולע באריכטען פון די ערשטע צוויי זיצונגען פון דעם לאנדאנער אקציאנס קאמיטעט. אינם מארגענדיגען נומער ווערען פארטגעזעצט די באריכטען פון די איבעריגע זיצונגען.

די קירכע נעהמט איצט זאמלען א פאנד פון מיליאנען דאלארס; זי וויל פרימער מאכען די קריסטליכע לענדער בכלל און אמעריקא בפרט. וועט זיך עס איהר איינגעבען? — לעזט וועגען דער דאזיגער פראגע דעם מארגענדיגען עדיטאריעל.

אין דעם ארטיקעל „דעטראיט'ער צייטונגען וועגען דעטראיט'ער ענינים" וועט דער לעזער געפינען עטליכע אינטערעסאנטע עדיטאריעלע נאטיצען איבערגעזעצט פון דער היגער פרעסע. אינטערעסאנט איז א בילד פון א פארברעכער און א צווייטער נאטיץ וועגען די 13 דאלארדיגע זיידענע העמדער וואס צייגען ווי הויך עס שטייגט דער יקרות אויף מלבושים.

וואס קומט פאר אצינד אין רוסלאנד?

— איבערגעגעבען פון לינקאלן עיר און איבערזעצט ספעציעל פאר'ן „וועג".

לעבעוויטשער לאנדסלייט אויף מערקזאם!

היינט וועט א קאמיטע פונם לעבעוויטשער הילפס פאראיין, באזוכען אלע לעבעוויטשער לאנדסלייט, וואס האבען נאך ביז יעצט ניט געהאט קיין געלעגענהייט זיך אנצושליסען אן פאראיין.

דער פאראיין ערווארטעט גוטע רעזולטאטען פון דער היינטיגער קענוועסינג. א באריכט פון דער טעטיגקייט פון דעזען פאראיין, וועט דער לעזער געפינען אויף פאראיין, וועט דער לעזער געפינען אויף

דינים און משפטים

אויב איהר האט עפעס צו פרעגען א פראגע ביי א לאיער וועגען געזעץ, ריעל עסטייט א. ד. ג. קענט איהר דאס טאן דורך דעם „וועג".

יעדע פראגע וועט באנטווארט ווער-

היינט איז די זאמלונג פאר די קינדער-היימען פון'ם אידיש-נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד

היינט איז דער חברים-טאג פון'ם אידישען נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד פון דעטראיט. קאמיטעס וועלען באזוכען יעדען חבר, מיט דעם צוועק צו זאמלען געלט פאר די קינדער היימען. די סומע פון $2,000 מוז געשאפען ווערען אין דעטראיט.

עס איז איבעריג צו אפעלירען צו די חברים פאר דיעזער זאמלונג, ווייל יעדער איינער'יזייעס דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן. נעהמט אויף די קאמיטעס און גיט מעהר וויפיעל איהר קענט.

מיט אכטונג,
דיסטריקט קאמיטע פון איד. נאצ. ארב. פארבאנד פון דעטראיט.

פאמיליען פון ארעסטירטע ראדיקאלען געצוואונגען אנצוקומען צו טשאריטי.

מר. הערבערט ראסעל וועלכער איז באשטימט געווארען פון דער „אמעריקאניזיישאן קאמיטע" פון דער באארד אוו קאמערס צו אונטערזוכען אויף ווי ווייט אמת עס איז די באהויפטונג פון מאנכע פערזאנען, אז די ארעסטירטע ראדיקאלען אין פארט וועין ווערען ברוטאל באהאנדעלט, האט ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג אז אדרבה, ואדרבה: די ארעסטירטע — זאגט ער — ווערען ממש געקיכעלט און געצוקערט און זיי ווערען באהאנדעלט נאך מעהר ווי אנשטענדיג.

מר. ראסעל זאגט, אז ער האט פאר א שטיק צייט געהאט א נאהענטען צוטריט צו זיי און ער האט געהאט די געלעגענהייט אויסצוגעפינען אין וואס פאר א צושטאנד זיי געפינען זיך און וואס עס זיינען זייערע אידעען, און געקומען איז ער צום באשלוס, אז זיי ווערען גוט געשפייזט און גוט אויפגעפאסט „און ער האט — זאגט ער — קיין אורזאכע ניט צו גלויבען, אז מען באהאנדעלט זיי ברוטאל.

אבער איין זאך איז מר. ראסעל געצוואונגען צוצוגעבען: אז די פאמיליעס פון די ארעסטירטע, וועלכע האבען זיך אלע מאל ערנעהרט פון דער שווערער הארעוואניע פון זייערע ברויט-געבער, זיינען יעצט געצוואונגען אנצוקומען צו טשאריטי. ער האט אבער פארזיכערט, אז וואלטעטיגע מענשען גיבען שוין אכטונג אז די פאמיליעס זאל חלילה נאך ניט פעהלען. דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, מר. ראסעל גיט צו, אז מען האט גענומען עהרליכע און שטאלצע ארבייטער-פאמיליעס, וועלכע האבען קיינמאל ניט געוואוסט וואס עס מיינט נעהמען נדבות און מען האט זיי פארוואנדעלט אין שנארערס.

דאס איז נאך, ווייזט אויס, פאר מר. ראסעל'ן ווייניג.

די אימיגראציאנס בעאמטע האבען ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג, אז זייערע לאנגע הכנות מיט די ארעסטירטע ראדיקאלען נעהמען זיך [illegible], וואס דער דעפארטמענט אוו דזשאסטיס איז צו ביזי די לעצטע צייט מיט א געוואלדיג גרויסער צאהל ראדיקאלען, וואס דארפען אונטערזוכט ווערען אויף ווי ווייט „כשר" אדער טריף זיי זענען. דאס איז ווייזט אויס גענוג תירוץ פאר די אימיגראציאנס בעאמטע צו האלטען הונדערטער מענשען פארשפארט מאנאטען לאנג, און ניט מען באפרייעט זיי און ניט מען דעפארטירט זיי.

נאך א תירוץ גיבען די בעאמטע אן, אז דער דעפארטמענט אוו דזשאסטיס איז ניט געווען גענוג פארבערייטעט צו נעהמען אויף זיך אזא שווערע משא מיט איין מאל. דעריבער דארף מען מענשען האלטען פארשפארט מאנאטען לאנג און לאזען פאמיליען לעבען פון טשאריטי.

שליסט זיך היינט אן אלס מיטגלידער פון פיפל'ס רעליעף, ראטעוועט „די קינדער היימען"

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דיימאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

צוויי סטאר פריים בילדינג צו פארקויפען; 2 סטארס און 2 פלעטס אויבען; גוטער געגענד פאר לוידים און דזשענטס פארנישינגס; קענפילד עווע. איסט; פרעגען: מעין 1025 14

לענדלארדס איפמערקזאם!
מיר פארלאנגען הייזער צו פארקויפען, רענטען אדער ליסען. מיר שטעלען צופרידען. רופט טשערי 8054, 481 ענטוויין סטריט.
הערריס און לואיס
ריעל עסטייט עקסטשיינדזש

צו פארקויפען א צוויי פעמיליע פלעט אויף 1055 וועסט ווארען. א דאקטאר'ס אפיס, איין בייסמענט; 4 קאראדזשעס, פרעגען, דזשיי קליימאן, 1066 וועסט ווארען, טעל וואלנאט וו. 4365 14

צו פארקויפען א גוט עטאבלירטער דזשאנק יארד: קאנטראקטען מיט פעקטארים, די אורזאכע: פאהר ארוים אין קאליפארניא, פרעגען: **מאריס הערמאן**, 56 בענטאן סטריט 14

צו פארקויפען צוויי סטארס און דריי פלעטס; ק א ר נ ע ר. אויף אלעקזאנדרין איסט. פרייז: $10,500 איינצאהלען $4,000. רענט $115 א מאנאט. ליס. פרעגען, **ל. וויליאמס**, 315 קעמעראן 14

לענדלארדס איפמערקזאם!
פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, ליסען, אדער רענטען פאר וויסע און ניגראס, **הארים און לואיס**, 481 אנטוויין סט., טעל טשערי 8054 (19

האלס
צו פארענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטערארישע אווענטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות. ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אייגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.

נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קליננ"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשולערי סטאר.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353־355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

רעדאקשאן לכבוד פסח

סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קורטענס, פענסי דריי־גודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

דזשולערי סייל

אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד געפילטע

ריינגערס

מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיגע מיט און אהן שטיינער.

רינגען

גאלדענע בראוטשעס מיט אמתע קעמיאס. ספעציע'ע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, וויסע, נעלע און גרינע

קרושין רינגלאך

גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען

The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street.
3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויי'טער.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל
אטאמאביל אינגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארדס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט, געשוועלדעט, געמאכט ווי נייע אן גיענעמעלד.

רעדאייטארס פעריכט און אבערגעבילד, און עקססשענדזשעט

Michigan Radiator & Fender Repair Co.
723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 776

צוויי מאל איז שטארקער

ס'איז שוין אפיציעל באשטעטיגט געווארען, אז אדמיראל קאלטשאק איז ערמארדעט געווארען.

ארימער מענש! ווייניג פאר איהם, וואס מ'האט איהם אונאפיציעל דער'הרג'עט, האט מען איהם נאך איצט אפיציעל אויך דער'הרג'עט!

ס'איז שרעקליך!

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
... הייסטינגס סט.

Vienna Sausage Mfg. Co.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Corned & Pickled Beef, Tongues, etc.
1215-1217 S. Halsted St. Chicago

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאוסקי און סאנס
בראדווי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געעפנט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באעלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

ביז יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און בויס קלאדהינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעסיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

פארלאנגט אנצונעמען סובסקרייבער פאר'ן "וועג". ליבעראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון "וועג".

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס פורנישינגס, נאָטי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 3595 דאבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט איש און גארבעדזש, סעמענט רעספעטיקעלס, ווייל פון 1־טען מארטש ווערט די פרייז געהעכערט

ווארט ניט ביז די באארד און העלט וועט אייך באדערען.

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

אין דער גאנצער ערקיי וואו עס געפינט זיך דער גלאווגע מסחר מיט די אומגליקליכע מיידלעך געפינען זך באזונדערע אגענטען וואס זענען מיט לערערבארגען געקניפט און געבונדע

מיט איי ווארט דער פארלער אומגעשליבער מסחר איז ביי דער באנדע ארגאניזירט פאלקאמען מיט פראווילעס און פונקטען! — זיי האבען זיך באזונדערע קארעספאנדענטע, קווארטירעס און א צענטראלנע קוואריר, עס איז דא צווש זיי א סך רייכע. לערערבארג איז איינער פון די רייכע און אויך איינער פון די גרויסטע עקספידיארען פון אדעסער פארט, איין מאל אין יאהר מאכט ער א רייזע איבער ... פראווינץ, חשבון אפנעמען ביי די פראווינציעלע אגענטען, געוואהר ווערען ווי דער מסחר געהט.

אויב די לעזער געדענקען, פעגלט ער אין זיין רייזע אויך זין אין דער שטאדט ר... אוף דער "שטטער גאס". ווארום דע רישענק "ראבע־מירליטשקע" איז געוועזע איינער פון די גלאווגע קווארטירען.

טרויעריג איז זעהר, ווען מען מוז דער צעהלען אז די "הערדען לערערבארג" מיט זייערע טויזענדער אגנטען זענען כמעט אלע אידען, איהר דארף נאר ני פאהרן אין דער גלאוונער שטאדט פון דער מסחר אעס, זיך פארזיכערען אז די לייט זענען אידען ניט נאר אין אדעס, נאר אין אלע שטעדט אי שטעדלעך פון גאנץ קעווער, וואהלינער, פאראליער גובערניעס, גאנץ מאראסי און נאווארסיע און בעסאראביע. מי איין ווארט איז גאנץ פוילען אין ליטא וואו נאר איין איינפאהר הויז איז — זענען דארט די הויז משרתים לויטער אידען, ווען מען איז ניט באקאנט מיט וואס פאר א נידריגע זאכע די אידען פארנעהמען זיך? זיי נאר "א גוט הייזעל" — ווער איז דער בעל בית דערפון? ניעפרעמעננא א איד!

עס איז זעהר שאנד־ליך צו רעדען פארדאבנא דערפון, נאר עס איז אבער ... א וועהטאג צו שווייגען און ניט באמערקען כאטש אויף פראסט אידיש אויף דעם טרויעריגען פאקט.

מיר אידען באריהמען זיך שטענדיג אז צווישען דעם אדישען פראסטען עולם זעהט מען ניט אזוינע גראבע ווילדע זייטען ווי מען באגעגנט אויף יעדען שריט צווישען פראסטען גוראד ביי אנדערע פעלקער, למשל, אונזער פראסטער עולם שיכורט ניט, עס געפינט זיך ניט קיין ראזביינקעס א. אז. וו. און באמת מעגען מיר זיך טאקע דערמיט באריהמען. די אלע נידריגע זאכען באגעגנט מען טאקע צווישען אידען ווינציגער ווי ביי אלע אנדערע פעלקער, ווי זשע קומט עס אז וואו א "איינפאהר הויז משרת" וואו א "גוט הייזעל" — איז א איד? מיט די מיאוסטע נידריגע פרנסות וואס אפילו דעם נידריגסטען שיכורעי מוזשעק איז מיאוס'ט ... — פארנעמט זיך דער פיינער איד וואס קומט ארויס פון א פאלק ... ארמאגט די איידעלסטע זיטע מעלות?! וואו זענען די לייט ערצויגען געווארען? וואס האט זיי אזוינס געבראכט אז זיי ענען געקומען צו אזוינע נידריגע זאכען אהן א שום בזיון? ניין, הונדערט מאל מוז מען זאגען: אז ניט צווישע אידען קענען אזוינע נידריגע (אין דעם געשטאלט פון מענשען) ערצויגע געווארען? ני דער ידישער חדר, ניט דאס אידישע שטילע הויז האט זיי אזוי ערצויגען! דאס אלעס איז צו הייליג און ריין ביי אונז, זיי זאלען קענען ארויסגעהן אזוינע פארדארבענע נידריגע מענשען! — פון וואנען זשע דען קומע זיי ארויס?

די לייט גיבען אדוים אונזערע אידישע תלמוד תורות, וואס געפינען זיך אין יעדער שטאדט און אין יעדען שטעטעל אהן א שום ארדנונג, אהן א שום צוזעק אז זיי זאלען מאכען פון ארימע עלענדע קינדער עפעס מענשען — זיי ראגן נאר אומזיסט דם היילינען נאמען "תלמוד תורה".

איך מוז איבערגעבען מיט אנדערע ווערטער: די לייט קומען ארויס פון די ארימע קבצנים און אביונים וואס געהען ארום אין די הויזער און קענען ניט זארגען פאר זייערע קינדער, אדער אזוינע עלענדע קינדער וואס בלייבען קיילעכדיגע יתומים, אהן לערען, אהן פריינד וואס זאלען ... וועלען פאר זי זארגען. אזוינע אומגליקליכע קינדער וואקסען הפקר, פיעל פון זיי נעהען ... אזוי ארום פונקט פאס זייערע גאנצע קינדער יאהרען און וואקסען אויס ווי די ביימעלעך אין פוסטען וואלד וואס קיינער קוקט זיך ניט ארום אויף זיי, קיינער גיט ניט אכטונג אז מען זאל ארומשנידען די שלעכטע צווייגען כדי ער איז בעררידער בוים זאל אויסוואקסען גלייך, גוט און שעהן, — אומגליקליכע האבען נאך פון קינדהייט אן גע'גנב'עט ביינעל פון מארק, ארפגבאפען פון די גוי'שע פוהרען, און זיי וואקסען אויס, ענטוועדער זיי ווערען גנבים אדער אומערליכע איינפאהר הויז משרתים.

אונזערע אידען זענען זיך אבער "רחמנים בני רחמנים" און אויך וויל ביי אידען איז א גרויסע מצוה אידישע קינדער געוואהנען צו דער תורה, איז איינגעפיהרט אין יעדער שטאדט א תלמוד תורה, אפילו די ארימסטע שטאדט מוז האבען א תלמוד תורה, א אידישע שטאדט אהן א תלמוד תורה איז נאך ניט דא.

די א"ע "תלמוד תורות" האבען כמעט אין פנים*) א חיעזו וואס א גוי פארטרייבט חזרים; איך מיין: א שטיבעל אויף 4 איילען אין א פארוואל נעבען דער באר אדער דער נארבארנע, צוזאמען מיט דער שטאדט'ס ...; פון דער תלמוד תורה קוקט ארויס א האלב פענסטער אויף גאטס וועלט און דאס אנדערע האלבע שטעקט שוין; פון א יאהר 20 אין דער ערד; אנשטאדט שויבען זענען די פענסטער פארשטעקט מיט קישעלעך אדער מיט די שמאטעס וואס מען פארשטעקט דעם קוימען ווען מען הייצט אויס דעם אויווען, אין דער תלמוד תורה וואוינט שטענדיג מיט זיין גרויסער פאמיליע דער אומגליקליכער תלמוד תורה מלמד וואס נעמט 1 רובעל א וואך מיט דירה געלט אין הייצונג (אין איניגע שטעדט פארנעמען די תלמוד תורה מלמדים עטליכע שטעלעס ווי זיין א קברות איד און דער היטער אלע פרייטאג אין באד), אט אין דער תלמוד תורה טרייבט מען אן ווי פיעל עס פגען נאר אריין קינדער! דא פארברענגען זיי זייערע קינדער יאהרען — יאהרען, די אומגליקליכע קינדער וואס האבען נעהאט דאס גליק ארייננעקומען צו ווערען אין דער תלמוד תורה.

(פארטזעצונג פאלגט)

באקאנטמאכונג!
מר. אלטער קאצער

דעטראיט'ס בעסטער מוהל פאר די לעצטע 20 יאהר, לאזט וויסען דאס פובליקום, אז ער האט געמופט פון 263 פאראנסווארטה צו 140 מערבערי קארנער בראש. טעל. מארקעט 827.



ווילט איהר סיזען 30 פראצ.?



ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוֹוס, ראנגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס — דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען, אלעס פון די פאר נעגערע לײנס:
... דרעס גודס ליין פון סילקס ... און קאטאן גודס. פערשידענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, סוי... טייבעל קאווערס; שעמס א... קארפעס. קאמפליט ליין אין לידיס און ... אנדערוועהר און קארסעטס. מענ... פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענע פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס מייקערס טרימינגס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן מעין 4420

JUDGE GAINEY

HAVANA

IGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 1170

דער באוואוסטער חזן
ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע צופרידענהייט.
51 קעמעראן עווענ
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

מאושען־פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווי: קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס קאנטארס, שעלווס, סייפס, קעש רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעליעבל סטאר פיקטשור קא.
... גרעשיאט עווענ
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עווענ
טעל. קאדילאק 4924 עם

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער הענגינג דעקארייטאן און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען.

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענטער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלםסט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. ער מאכט נאר פון רייגער האוואנא. פריבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דוראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

איר קענט שיקען געלט אין פוילען

דורך דער

Bank of Detroit

א. זינגער מענעדזשער

הייסטינגס סטריט בראנטש

אינטעליגענטע

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

— משוגענער, געה אוועק פון איהר גזלן! — האט ברכה'ן פערקלעמט דאס הארץ און זי האט אברהם'ן געוואלט אפשטויסען אן א זייט אריין און באשיצען איהר קינד.

אברהם איז נאך מעהר צעריצט געווארען. ער האט געכאפט א שטוהל און אויפהויבענדיג זי מיט אייך האנד האט ער די שטוהל א קלאפ געטאן צו דער ערד, אזוי אז ביי איהם אין האנד האט זיך בלויז אפגעשטעלט איין פיסעל.

— איך וועל איהר מאכען דעם טויט נאך היינטיגע נאכט! — האט ער זיך געריסען צו איהר. ער האט ברכה'ן א שטויס געטאן פון זיך און האט זיך געמאכט א וועג צו אניוטא'ן, — א ממזר! — האט ער געברומט.

— אבער שא! איך געה! איך פערלאז דיין הויז! איך בין געשטארבען! — האט אניוטא זיך אנגעשטרענגט און זיך געשטעלט אין א ווינקעל לעבען בעט.

— זאלסטו מיר שוין געהן! — האט ער זיך ניט געקענט בערוהיגען — היינט נאך זאל איך דיך דא מעהר ניט זעהן!

און ער איז ארויס.

אניוטא האט שוין מעהר ניט געוויינט. זי איז געוועזן פערביטערט. זי האט מעהר ניט געקלעהרט קיין זאך, וויסענדיג, אז איהרע עלטערן האבען אפילו ניט געוואלט פערשטעהן איהר לאגע און האבען זי אזוי מיאוס, אזוי רוב פארשטויסען.

זי האט מיט אמאל אויפגעהערט פיהלען פאר זיי און איז זיי געווארען א שונא.

זי האט מיט אמאל דערפיהלט ווי דעם פאטער צו שליידערן הארבע גיפטיגע ווערטער אין פנים אריין.

— זאל ער נאך איין ווארט ארויסריידען, און איך וועל דאס טאן! — האט זי א טראכט געטאן.

זי האט זיך אנגעהויבען פערטיגען צו פארלאזען דאס הויז.

— אזא פארברעכען, אזא זינד! — האט די מוטער אויף איהר א בייזען בליק געווארפען, קיין אידישע טאכטער טהוט ניט אזא זאך!

אניוטא האט שוין מעהר ניט געענטפערט.

— איך האב ניט געזינדיגט, דו ערשטו! איך האב ניט געזינדיגט, זאג איך דיר! איך האב געליעבט! — האט זי דער מוטער געשטעלט אנטקעגען.

— דו, דו חצופה, שווייג! דער כאטש ניט אנטקעגען! — האט די מוטער געענה'ט.

— איך בין ניט קיין חצופה! איך בין אזוי ערהליך ווי דו! — האט זי צום סוף אנגעשריען אויף דער מוטער.

ווען ברכה האט דאס דערהערט, האט זי איהר ארויסגעשריען:

— איך האב ניט געבראכט קיין שאנדע אויף מיין משפחה! איך האב געווארט ביז דער חתונה.

— זעהר שעהן! — האט אניוטא געענטפערט און האט זיך היסטעריש צעלאכט — כא, כא!

— גוט, מיר וועסטו שוין ניט חתונה מאכען! וועסט שוין חתונה מאכען דיינע איבריגע קינדער! — האט זי איהם א זאג געגעבען און אין דעם דאזיגען מאמענט האט זי געפיהלט ווי זי האט נקמה פון די עלטערן ... זי איז א בת יחידה.

און דאס זאגענדיג איז זי א ווילדע ארוים פון הויז. זי האט ניט געהערט די קללות וואס דער פאטער האט איהר אבגעשיקט אויפ'ן וועג. זי האט אפילו ניט באמערקט ווי די מוטער האט זיך נעלאזט לויפען נאך איהר. זי האט געפיהלט אז זי איז א פארשטויסענע פון איהרע אייגענע עלטערן און אין דער פינסטערניש פון דער נאכט איז זי געלאפען אהן א ציעל, אהן א זינען און האט געזוכט ערגיץ א שטיקעל פלאץ אפצורוהען.

קאפיטעל כ"ב

ווען רבקה'לע איז גרעסער געווארען האט זי אנגעהויבען איהר'ן פערביטערען דאס לעבען.

רבקה'לע וועלכע האט זיך געהאדעוועט ביי א שכנה און האט די מוטער בלויז אנגעזעהן אויף דער נאכט. ווען אידא פלעגט אהיים קומען פון דער ארבייט, האט אנגעהויבען בענקען נאך דער מוטער.

איינמאל גאנץ פריה ווען די מוטער איז ווי איהר שטייגער פלעגט זיין, אויפגעשטאנען און האט זיך אנגעהויבען צו גרייטען צו געהען צו דער ארבייט האט זיך רבקה'לע אויפגעכאפט פון שלאף.

— מאמע, וואוהין געהסטו? — האט זי זיך אויפגעזעצט און האט וויינענדיג זיך געריבען די פערשלאפענע אויגעלעך.

— איך קום שוין צוריק, קינד מיינס! — האט איהא רבקה'לען בארוהיגט און האט זי איינגעדעקט און אליין איז זי אוועק צו דער ארבייט.

עס איז ניט פאראיבער קיין צעהן מינוט און רבקה'לע האט זיך ווידער אויפגעכאפט און האט גלייך ווי זי האט געעפענט די אויגעלאך, אנגעהויבען רופען אין איהר דין קינדעריש קול'כעל:

— מאמע, רבקה'לע וויל דיך!

און ווען די מוטער איז אויף איהר רופען דאך ניט אריינגעקומען האט זיך דאס קינדערשע פנים'ל פערקרומט און הויך אויפ'ן קול האט זיך רבקה'לע צעוויינט:

— אוי מאמע, וויל צו מאמע!

רבקה'לע איז מיער געווארען זיצענדיג אין בעט, זוארטענדיג אויף דער מוטער, איז זי א נאקעטע ארונטער פון בעט, האט פרובירט עפענען די טיר.

אזוי ווי דאס איז אבער ניט געוועזן פאר איהרע קינדערשע כוחות איז זי בייז געווארען און האט זיך אוועקגעזעצט אין מיטען צימער און האט פערצווייפעלט געוויינט און געשריען:

— מאמע, מאמע! אוי מאמע!

ווען די שכנה פון אונטערשטען עטאזש איז ארויפגעלאפען און האט דערזעהן דאס קינד, א נאקעטע, א בארפוסע זיצען אויף דער דיילער ערד האט דאס איהר פערקלעמט ביים הארצען.

— מיר פאר דיר רבקה'לע! וועסט זיך פארקיהלען! — האט די שכנה, א עלטערע פרוי מיט א רחמנות טאן געזאגט צום קינד:

— שטעה אויף פון דער ערד, שטעה אויף רבקה'לע!

רבקה'לע איז ניט אויפגעשטאנען און האט זיך נאך העכער צעשריען אויף דעם ווינענדען קול'כעל.

— מאמע! וואו מיין מאמע?

— זי איז דא, זי איז דא, די מאמע דיינע! — האט די שכנה איינגענומען דאס קינד און איין וועגס האט זי זיך אליין אויך אויסגעוויישט א טרעהר פון אויג.

— נעהם רבקה'לען צו מאמען! — האט דאס קינד אויסגעשטרעקט איהרע דארע נאקעטע הענדטעלעך צו דער שכנה.

— קום, ושע טהו זיך אן פריהער! — האט זי די שכנה אויפגעהויבען פון דער ערד, זי אוועקגעזעצט און בעט און אנגעטאן.

— אט אזוי ווערען דאס אומשולדיגע פויגעלעך יתומים, לעבעדיגע יתומים! — האט די שכנה געשאקעלט מיט דעם קאפ און האט גערעדט צו זיך אליין.

ווען דאס קינד איז שוין געוועזן אנגעטאן, האט זי איהר דערלאנגט א האלבען בייגעל אנגעשמירט מיט פוטער און אן עפעלע.

רבקה'לע האט אין איין האנד געהאלטען דעם בייגעל און מיט דער צווייטער האט זי געטאנען דאס עפעלע צום מויל, ... אזוי שנעל ווי זי האט אויפגעגעסען דאס עפעלע, האט זי זיך מיט אמאל ווידער דערמאנט אין דער מוטער.

— ... קום שוין צו מאמע, קום שוין!

— ווארט, ווארט רבקה'לע! — האט זי א זאג געגעבען — וואלט עס אפ פריהער!

רבקה'לע האט דעם בייגעל א שמייס געטאן צו דער ערד.

— כ'וויל צו מאמען, וויל איך און שוין!

די שכנה האט ניט געקענט צוזעהן דעם קינדס יסורים, האט זי איהר ארויפגענומען אויפ'ן שויס, זי געגלעט און געקושט — געבען רבקה'לען נאך א עפעלע!

— ניין! — האט דאס קינד אומצופריעדען געדרעהט מיט די אקסלעך.

— צוויי עפעלעך געבען?

— צוויי עפעלעך! — האט זי וויינענדיג צוגעשטימט.

עס האט אבער לאנג ניט גענומען און דאס קינד האט מיט ביידע הענדלעך, האלטענדיג די עפעלעך, זיך געריבען די אויגעלעך און האט זיך ווייטער צעכליפעט.

— מאמע!

— נא דיר טעצעלעך — האט די שכנה איהר דערלאנגט א פאר בלעכענע קליינע טעצעלעך — נעהם קינד שפיעל זיך!

— ווען וועסטו געהן צו מאמען?

— מאמע!

— רבקה! זאל זיין שטיל, איך וועל דיך אנפאטשען! — האט שוין די שכנה פון איהר מעהר ניט געקענט אריבערטראגען.

דאס קינד האט זיך אנגעברוגזט און איז שטיל געווארען און ארוים אין גאס.

זי האט זיך אומגעבלאנקעט ווי א פערלארען שעפעלע און האט ניט געהאט וואו אהינצוטאן זיך.

זונטאג מאססמיטינג

ארטורא דזשיאוואניטא דער איטאליענער פאעט

און דזשייקאב מארגאליס פון פיטסבורג

וועלען דערצעלען דעם עולם ד... עם אמת וועגען דער טרויריגער לאגע פון די פרויען און קינדער פון די רוסישע דעפארטים

ארענא גארדענס 1253 וואדווארד עוו.

זונטאג מארטש 14-טען 2 אוהר נ. מ.

ברענגט אייערע פריינד.

ציון-קאמאנוועלטה

א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אויסקויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש-ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער ציוניסטישער לאנד-אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אידען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארבייט.

א גרויסע געלעגענהייט, וועלכע סיין איד זאל נים פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט געדען נעבען אלע אויסקינפטע. זיך ווענדען האטעל פארטשעלבי.

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
רושארדש דזשוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברוידי
בערנארד א. ראזענבלאט

ציון קאמאנוועלטה, 55 — 5טע עוועניו, ניו יארק.

יוזט פאלם-אלא

פאר'ן מאגען א רפואה פאר'ן פאקעט א ישועה

פאלם-אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאקאנאטס און פינאטס אויל, און אנדערע נאטור רייכע וועדזשעטייבעלס און קען געוויס ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די רייכענשאפטליכע מעטהאדען אין סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט-פרוף סאניטארע באקסעס.

פאלם-אלא איז אויסגעצייכענט גוט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. גיט אייערע קינדער פיעל פאלם-אלא. עס וועט זיי פיעל גוטעם טהאן און עס איז פיעל בילינער ווי די אלד פעשאנד פוטער.

פאלם-אלא איז מיט זיין נאטירליכע רייכקייט און געשמאקקייט ממש טעם גן עדן, און ווער עס טרייעט דאס צו יוזען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.

פאלם-אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דעטראיט ביי דער פאמאוסטער „שעד קרימערי“. אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען סופלאי יעדען טאג.

געמאכט פריש יעדען טאג

אין דעטראיט

גלייך פון דער פוטער פאס

צו אייך

לעזט דעם הכשר:

הנני להעיד כי החמאה הנקראת Palm-Ola אשר The Shedd Creamery ... כשר לאכול ...

[illegible]

יוסף תאומים ... רב בדעטראיט

הרב יוסף תאומים Rabbi of the Congregation Beth Abraham דעטראיט מיש.

גראסערי לייטע

עס איז פאר אייער בענעפיט איהרגיט קיין טראבעל. אהר דארפט ניט ווערזאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט זען, איהר דערלאנגט א פעקעדזש צום פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האטקאסטימער און דאס אלעס.

פאלם-אלא איז כשר בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר' יוסף תאומים דפה

S. J. Barrush

West 1407

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם-אלא

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

זונטאג, 14טער מארטש, 1920

וויפיעל אידען זיינען דא אין דעטראיט?

א פראגע וואס דער בית יתומים דארף וויסען

ווען מיר האבען באגריסט דעם בית יתומים ביי דער געלעגענהייט פונם חנוכת הבית, האבען מיר געזאגט, אז איצט, ד. ה. מיט דער ערעפנונג פון דעם אנשטאלט הייבט זיך ערשט אן די ארבייט. און געוואהרענט האבען מיר די מיטגליעדער פון דעם בית יתומים, אז זיי זאלען זיך נישט איינריידען אז מיט דער אייפבויאונג פון אן אנשטאלט איז די ארבייט געענדיגט.

און מיר זיינען אפנים געקומען מיט אונזער ווארנונג, אבער דערפאר, לײדער, לײדער נישט ערפאלגרייך.

מיר שעמען זיך נישט מודה צו זיין עפענטליך — אז מיר האבען קיין ווירקונג נישט געהאט, ווייל די מיטגליעדער פונם בית יתומים און דער עיקר, דאס רוב מנין ואין בנין פון די דעטראיט׳ער אידען מיינען אז מען איז שוין פארטיג געווארען מיט דער ארבייט, אז האט מען שוין א בנין, און ווירקליך זעהר א שעהנעם בנין, אז האט מען שוין איניגע איבער צוויי מנינים יתומים אין — שוין! די זאך איז אפגעטאן.

וועלען מיר אפשר אצינד זיין אם פלאין ווען מיר וועלען ארויסקומען מיט א צווייטער ווארנונג צו די היגע אידען און זיי אויפפאדערן זיך מאמענטאל צו שטעלען אין דער רייהע פון די מיטגליעדער פון דעם בית יתומים און העלפען אנהאלטען, העלפען דער עקזיסטענץ פון דיזען אנשטאלט.

מיר האבען סוף פאריגע וואך באזוכט דעם בית יתומים. מיר זיינען דורכגעגאנגען אלע זיינע דרייצעהן פיערצעהן שעהנע, גרויסע, ליכטיגע, ליכטיגע און ריינע חדרים; מיר האבען געזעהן די קינדערלעך וועלכע מען האט פון פארשיעדענע קריסטליכע הייזער ארויסגענומען און אריינגעפיהרט אין דער אידישער סביבה צוזאמען מיט אנדערע אידישע פאראומגליקטע יתומים און יתומות; מיר האבען געזעהן ווי פיעלע יתומים אין דעם אנשטאלט זיינען ווער מיט א ברודערל און ווער מיט א שוועסטערל; מיר האבען געזעהן זייערע ריינע בעטלעך, זייערע בעט־ציינג; זייער עס־צימער און שפיעל־צימער; מיר האבען געזעהן דעם „פליי־גראונד״ מיט וועלכען די קינדער וועלען זיך באלד באנוצען — מיט אין ווארט: עס קומט א דאנק דעם הערד און פרוי וויסוואסער, וועלכע האבען אונז ארומגעפיהרט און באוויזען יעדער קלייניגקייט, יעדע אינטערעסאנטע בילדעל וואס דיזער נייער אנשטאלט האט אין. מיר האבען געזעהן, אז באמת דאס פלאין וועט זיכער זיך באלד ארויסווייזען פאר צו קליין פאר דער צאהל יתומים וואס ...

[illegible]

די פאליטישע וואך

(ספעציעל פאר׳ן „וועג״)

פון ז. ק.

ווי ס׳זעהט אויס, האט די וועלט־רעאקציע קיין זאך נישט געלערנט; זי האט אבער אויך קיין זאך ניט פארגעסען. די בלוט־און־אייזען פאליטיק, די הערשאפט פון׳ם שטארקערן, איז נאך אלץ מעכטיג. די מאראל פון „גוט״ און „שלעכט״ ווי דער מאנגאלישער רויבער, טאמערלאן, ...

[illegible]

„כסף וזהב מטהר הזורים״

(פעליעטאן)

(ספעציעל פאר׳ן „וועג״)

פון ישראלי

[illegible]

בריעף קאסטען

ד. באלקאף (491 קאמערא) —

[illegible]

לעבעוויטשער היבפס פעראיין נעהמט זיך צו שטארקער טעטיגקייט

נאך א באגייסטערטער מיטינג פון היגע לעבעוויטשער לאנדסלייט, איז לעצטען מיטוואך אויגנט אפגעהאלטען געווארען אין ווילקינס סטריט תלמוד תורה. דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט און די ...

קענוועסען צווישען אלע לאנדסלייט.

עס איז אויך באשלאסען געווארען צו טשארטערן דעם פעראיין, וועלכער וועט בלייבען א שטענדיגער. מיטינגען וועלען פארקומען יעדען צווייטען מיטוואך און דער ...

[illegible]

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.
זונטאג, 14טער מארטש, 1920

וויפיעל אידען זיינען דא אין דעטראיט?

א פראגע וואס דער בית יתומים דארף וויסען

ווען מיר האבען באגריסט דעם בית יתומים ביי דער געלעגענהייט פונ'ם חנוכת הבית, האבען מיר געזאגט, אז איצט, ד. ה. מיט דער ערעפנונג פון דעם אנשטאלט הייבט זיך ערשט אן די ארבייט. און געווארענט האבען מיר די מיטגליעדער פון דעם בית יתומים, אז זיי זאלען זיך נישט איינריידען אז מיט דער איבערנאהמע פון אן אנשטאלט איז די ארבייט געענדיגט.

און מיר זיינען אפנים געווען גערעכט מיט אונזער ווארנונג. אבער דערפאר, ליידער, ליידער נישט ערפאלגרייך.

מיר שעמען זיך נישט מודה צו זיין עפענטליך אז מיר האבען קיין ווירקונג נישט געהאט, ווייל די מיטגליעדער פונ'ם בית יתומים און, דער עיקר, דאס רוב מנין ומנין פון די דעטראיט'ער אידען מיינען אז מען איז שוין פארטיג געווארען מיט דער ארבייט. אט האט מען שוין א בנין, און ווירקליך זעהר א שיינעם בנין; אט האט מען שוין איינריכטונג איבער צוויי מנינים יתומים אין — שוין! די זאך איז אפגעטאן.

וועלען מיר אפשר איצטער זיין אט פלאץ ווען מיר וועלען ארויסקומען מיט א צווייטער ווארנונג צו די היגע אידען און זיי איבערבעטען זיך מאמענטאל צו שטעלען אין דער הילף פון די מיטגליעדער פון דעם בית יתומים און העלפען אנהאלטען, העלפען דער עקזיסטענץ פון דיזען אנשטאלט.

מיר האבען פון פאריגע וואך באזוכט דעם בית יתומים. מיר זיינען דורכגעגאנגען אלע זיינע הויזעהן, פיערצעהן שעהנע, גרויסע, ליכטיגע, ליבטיגע און ריינע חדרים; מיר האבען געזעהן די קינדערלעך וועלכע מען האט פון פארשידענע קריסטליכע הייזער ארויסגענומען און אריינגעפיהרט אין דער אידישער סביבה צוזאמען מיט אנדערע אידישע פאראומגליקטע יתומים און יתומות; מיר האבען געזעהן ווי פיעלע יתומים אין דעם אנשטאלט זיינען ווער מיט א ברודערל און ווער מיט א שוועסטערל; מיר האבען געזעהן זייערע ריינע בעטלעך, זייערע בעט-ציינג; זייער עס-צימער און שפיעל-צימער; מיר האבען געזעהן דעם „פליי-גראונד“ מיט וועלכען די קינדער וועלען זיך באלד באנוצען — מיט איין וואורט — עס קומט א דאנק דעם העדר און פרוי ווייסוואסער, וועלכע האבען אונז ארומגעפיהרט און באוויזען יעדער קלייניגקייט, יעדע אינטערעסאנטע בילדעל וואס דיזער נייער אנשטאלט האט און מיר האבען געזעהן, אז באטש דאס פלאץ וועט זיכער זיך באלד ארויסווייזען פאר צו קליין פאר דער צאהל יתומים וואס וועלען צוקומען, און בפרט ווען מען וועט אהער אריבערברענגען יתומים פון אייראפא, פונדעסטוועגען מוז מען צוגעבען אז דאס איז א פרעכטיגער בנין. דער פעסימיסט מוז צוגעבען, אז דיזע אינסטיטוציע איז א כבוד פאר די דעטראיט'ער אידען.

דער אפטימיסט ווערט אבער פעסימיסטיש אזוי גיך ווי ער ווערט עקוואס באקאנט מיט דער פינאנציעלער זייט פון דער אינסטיטוציע.

שטעלט זיך פאר אז דער בית יתומים האט צוויי טויזענד מיטגלידער.

פרעגט מען זיך באלד: — וואס ושעי, זיינען דען אין דעטראיט מעהר נישטא ווי 2000 אידען, וואס אינטערעסירען זיך מיט דעם גורל פון אידישע יתומים? און וואו זיינען די איבריגע אידען? מען זאגט אונז, אז אין דעטראיט זיינען פאראן הונדערט טויזענד אידען. מיינט עס אז אכט און ניינציג טויזענד פון זיי אינטערעסירען זיך נישט מיט די קליינע פאראומגליקטע אידישע יתומים.

דאס איז א זעהר העסליכער קאמפלימענט פאר דעטראיט'ער אידענטום.

ווי מען קען זיך אנשטויסען זיינען די 2,000 מיטגליעדער פונ'ם בית יתומים נישט די סאמע רייכסטע דעטהאיט'ער אידען. וואדים וואלטען זיי די רייכסטע געווען, וואלטען גענוג געווען א פאר צעהנדליג אז זיי זאלען איינהאלטען אן אנשטאלט.

די מיטגליעדער צאהלען אבער בלויז צו דריי דאלאר א יאהר. דאס מיינט א סך הכל פון 6,000 דאלאר א יאהר. און זיי צאהלען 25 סענט א חודש און ערשט דארף מען צו זיי שיקען א קאלעקטאר צו איינפנעהמען די קוואדערס. דער קאלעקטאר באקומט דערפון 25 פראצענט.

אין דער בית יתומים וועט זיכער באדארפען אן אכט הונדערט דאלאר א חודש אויף אויסגאבען.

דאס מיינט אז דער בית יתומים האט פונ'ם ערשטען טאג אן א דעפיציט פון בערך זעלבע טויזענד דאלאר א חודש.

פארגעסט נישט אז דער בית יתומים מוז האבען א פראקטישען פעדיגען און גוט באצאהלטען סופערינטענדענט; ער מוז האבען א פעהיגע, פראקטישע און גוט באצאהלטע מיטרען — און דיזע צוויי וויכטיגע מענשען איז דער בית יתומים ווי א שולע אהן א לעהרער — און וועט דער בית יתומים קריגען אט דיזע צוויי מענשען, וועט ער ווערען נאך א גרעסערער בעל הוצאה.

דערווייל זיינען שוין דא 22 קינדער, פון 13 ביז 4 יאהר אלט.

אויף דער ליסטע זיינען פאראן נאך דרייצעהן יתומים. איינינע פון זיי (9, דאכט איך), וואס געפינען זיך אין גוישע הענט.

ווען מען ארייננעהמען אויך דיזע דרייצעהן יתומים, וועט נאך גרעסער ווערען די הוצאה.

און וואס מיינען אונזערע רייכע דעטהאיט'ער אידען פאר די דאזיגע קינדערלעך?

אין דעטראיט באדען זיך אונזערע אידען אין פעטס, און אין גאלדענע דינגט איבער די פיסקעס. ליגט יעדער אויף. זיין גאלדזעקעל און היהרט זיך נישט.

זיי זיינען מיט צופיעל פעטס אבגעגאסען און זיי געבען תירוצים: דער זאגט, אז דער בית יתומים ווערט געפיהרט פון ווייבער, דערפאר — — — דערפאר אז ער וויל ניט קומען צו קיין פארזאמלונגען פון די ווייבער, גיט ער שוין קיין געלד אויך נישט; א צווייטער זאגט א תירוץ, למאי האט מען געקויפט א דירה דארט, וואו איהם געפעהלט נישט, דערפאר — — — דערפאר גיט ער קיין שטיצע נישט. א דריטער זאגט — — — אבער צו וואס אויסרעכנען די תירוצים וועלכע זיינען ספעציעל באשאפען געווארען אום קיין געלד נישט צו געבען.

מיר וועלען דערום די תירוצים איגנארירען און דערמאהנען די אידען ...

די פאליטישע וואך

(ספעציעל פאר'ן „וועג“)
פון ז. ק.

ווי ס'זעהט אויס, האט די וועלט-רעאקציע קיין זאך געלערנט; זי האט אבער אויך קיין זאך ניט פארגעסען. די בלוט-און-אייזען פאליטיק, די הערשאפט פונ'ם שטארקערען, איז נאך אלץ מעכטיג. די מאראל פון „גוט“ און „שלעכט“ ווי דער מאנגאלישער רויבער, טאמערלאן, ...

ארטילעריע. צוליעב וואס? דער ענטפער איז קלאהר: ענגלאנד (די איצטיגע רעגיערער איהרע) איז ענטשלאסען צו דערטרינקען דאס אירישע פאלק אין זיין אייגענעם בלוט.

און „כאראקטעריסטיש איז, וואס אין דעם זעלבען טאג, ווען די צייטונגען האבען ...

לאנד קעמפט פאר איהר באפרייאונג.

* * *

ווען איז דעם קרבן, ווען זיינע רוי-בער קענען זיך ניט צוטיילען מיט דער חלוקה, די אומגליקליכע טערקיי איז געווען פון די ערשטע לענדער, וואס האט זיך „אונטערגעגעבען אונקאנדיציאנעל“ ...

„כסף וזהב מטהר חזירים“

(פעליעטאן)
(ספעציעל פאר'ן „וועג“)
פון ישראלי

אין איין טאג האב איך געלייענט צוויי שטיקעלעך נייעס אין די צייטונגען, וואס האבען מיר ארויסגעבראכט אויף דעם געדאנק אז... מ'דארף זיך אויסקוועטשן שרייבען א פעליעטאן.

צוויי שטיקעלעך נייעס.

...

דער בחור געלד-זאק האט פאר דער נאר וואס געשימפטער סאוועט-רוסלאנד און, ווי א פראקטישער בחור נעהמט ער זיך גלייך איבערכנען זיינע אייגענע מעלות, ווייל ער האלט ניט פון סתם „ליובקען“ זיך, ער מיינט ביזנעס:

...

געוואלט רוסלאנדס ח ז י ר... אבער יעצט, אז דער חזיר איז שוין גענומען געווארען אויף'ן שפיז און האט דערלאנגט אזא הארץ-דרייסענדען קוויטש, אז ער האט אזש געמאכט וויינען די קארטעט-געזינדעל מעבר לים — איז שוין חזיר-האר אויך גוט...

וואס איז דער חילוק? דא שפיעלט עפעס א ראליע יחוס? באלשעוויזם איז טאקע טריף. אבער אין האנדעל געפינט מען א מיטעל: מ'וועט רעגולירען דעם אימפארט און עקספארט... באלשעוויזם, מיינט, איז אן ארטיקעל, וואס וואלבטיט דארף ניט, וועט זי דעם ארטיקעל ניט אימפארטירען, נאר ארדבה, עקספארטירען, אדער בעסער געזאגט: ד ע פ א ר ט י ר ע ן...

וואלסטריט איז צופרידען אויסצוטוישען א גאנצע שיף מיט טריפה ראדיקאלען אויף איין בינטעל כשר'ע חזיר-האר...

און די „אמבאסאדארען“ פון געוועזענעם חזיר-לאנד, וויסען עס גאנץ גוט. מעגען זיי טאקע וויינען, און זאגען „פאר-טערעס“ לכבוד דעם אנדענקען פונ'ם געשטארבענעם „דבר אחר“, וואס האט ניט נאר די „יד חזקה“ פארלוירען, נאר ...

... האט ער ביידען אין דער ערד!... ניט די ... איז ביי איהם דער עקר נאר דער פעטער גרן פון רוסלאנד'ס פלאטינום און חזיר-האר.

אין קליינינקייט — רוסלאנדס חזיר-האר!

אמת, פריהער האט טאקע וואלסטריט ...

האט אויך איבערגעלאזט די חזיר-האר פון גאנץ רוסלאנד אין די הענד פון די באלשעוויקעס...

בריעף קאסטען

ד. באראקא (491 קאמעראן) — אזעלכע פראגען קען מען א פרעמדען מענשען ניט אנפערטרויען. שטעלט זיך פאר ווען מיר זאלען אייך נישט הייסען פאהרען, און ווי ס'זעהט אויס ווילט איהר הערען דעם ענטפער — ווי זשע אבער, ווען יענע וואס האטען אייך יא צו פאהרען זיינען זיכער אז איהר וועט דארטען זיין בעסער ארויפארבייטען? אמת, אז ס'איז דא א גוי'איש ווערטל: „זיין אין דר'הייב און דרעה זיך נישט“. אבער ווער פאלגט עם די גויים? נייו, מיר קענען אייך קיין עצה נישט געבען. ווענדט זיך קיין לאס אנדזשעלאס צו עפעס אייערען א באקאנטען, ער ווייס אפשר בעסער די לאגע. איידער מיר וואס זיינען ווייט פון דארט...

לעבעוויטשער הילפס פעראיין נעהמט זיך צו שטארקער טעטיגקייט

נאך א באגייסטערטער מיטינג פון היגע לעבעוויטשער לאנדסלייט, איז לעצטען מיטוואך אויגנט אפגעהאלטען געווארען אין ווילקינס סטריט תלמוד תורה. דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט און די סומע פון 420 דאלאר איז געזאמעלט געווארען, אלס צוגאב צו די $725 וואס איז געזאמעלט געווארען ביים ערשטען מיטינג.

עס איז פארגעקומען וואהלען פאר אפיסערס און פאלגענדע זיינען די ערוועהלטע:

יוסף זעליג — פרעזידענט; ל. הערמאן — וויים פרעזידענט; ד. ראבינסאן — טרעזשורער; ט. אידעלסאן און ל. סאלאמאן — סעקרעטערים; ז. העלפאנד, ל. ראזענבערג און ה. גרינבערג — טראסטיס.

עס איז באשלאסען געווארען נאך צו שיקען דאס געלט קיין נויארק ביז וואנען עס וועט געזאמעלט ווערען א גרעסערע סומע. דערצו איז אפאינטעט געווארען א קאמיטע, וועלכע זאל היינט ארויסגעהן קענוועסען צווישען אלע לאנדסלייט.

עס איז אויך באשלאסען געווארען צו סטארטערען דעם פעראיין, וועלכער וועט בלייבען א שטענדיגער. מיטינגען וועלען פארקומען יעדען צווייטען מיטוואך און דער הויפט צוועק וועט זיין: זאמלען שטיצע פאר אונזערע ברידער און שוועסטער אין לעבעוויטש און אויך זעהן, אז יענע שטאט זאל צוריק געבראכט ווערען צום נארמאלען לעבען; זעהן אז בעל מלאכות זאלען האבען געצייג מיט וואס אנצופאנגען ארבייטען; סוחרים זאלען פארזארגט ווערען מיט א שטיקעל קאפיטאל אום זיי זאלען קענען אנפאנגען מסחר א. ז. וו.

דער קומענדער מיטינג וועט פארקומען דעם 24טען ד. מ.

אכטונגספאל,

דער לעבעוויטשער הילפס-פעראיין
יוסף זעליג, פרעזידענט.
ל. הערמאן, וויים-פרעזידענט.
ט. אידעלסאן, סעקרעטער.

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער, מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר און זיינען האבען ווען איהר אָרדערט אייער מצה ניט צו זאגען „סינסינעטי מצה", נאר אויסדריקליך פאדערען

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראָסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

ניו־יארק אפיס: 1 יוניאן סקווער

די ב. מאנישעוויטץ קא. סינסינעטי, אהייא

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



Levine Matzo Co.
Agents for Michigan State
Detroit Office 255 Napoleon St.

מישיגען סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

אין דער אלטער שטאדט

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון עקם פרייוועט ליסם

ערינערונגען פון א געוועזענעם לעגיאנער.

אויף דעם צווייטען טאג פון מיין באזוך אין ירושלים האב איך באשלאסען צו גיין זעהן „די אלטע שטאט" — אונטער דיזען נאמען איז באוואוסט דער טייל שטאט וואו אלע היסטארישע פלעצער געפינען זיך.

איך האב צוליעב דעם פאריב געוועזען דעם פארגעניגען פון שלאפען אביסעל שפעטער אין א ווייכען בעט — איינע פון די בעסטע פארגעניגענס פאר א סאלדאט.

— און ווי נור די ערשטע זונען־שטראהלען האבען זיך באוויזען, בין איך שוין געווען אנגעטאן און פארטיג צו מיין מארשרום.

איך האב גאנץ שנעל אויסגעפונען אז אום אלעס צו זעהן מוז איך געהן מיט א וועגווייזער (א גייד). בין איך דארום אוועק צו דער י. מ. ק. א. וואו איך האב אומגעדולדיג געווארט ביז 9 אוהר פריה, ווען אן אנגעשטעלטער איז מיט אונז אוועק אהין. ביי יענער צייט האט זיך אנגעקליבען א גרויסע גרופע כמעט אלע קריסטליכע סאלדאטען.

ארום א שטונדע גאנג און מיר זיינען געשטאנען פאר דעם יפו'ר טויער, וועלכער איז דער הויפט פון די זיבען טויערען, וועלכע געפינען זיך אין דער וואנד וואס רינגעלט ארום גאנץ ירושלים. דאס הייסט: „די אלטע שטאט".

דא האבען מיר זיך אפגעשטעלט און דער „גייד" האט אונז אנגעפאנגען צו ערקלעהרען וואו מיר זיינען און וואס מיר זעהען:

די אלטע שטאט, ווינט דוד המלך האט זי געבויעט, איז אימער ארומגערינגעלט מיט א וואנד, וואס איז הויך פון 28 ביז 30 פוס און איז ארום 4 פוס דיק.

זי איז שוין מעהרערע מאהל צושטערט און איבערגעבויעט געווארען. די יעצטיגע איז ארום זיבען הונדערט יאהר אלט. קיינער קען נאך אפילו היינט נישט אריין און ארויס פון דער אלטער שטאט, סיידען ער זאל דורכגעהן איינעם פון די זיבען טויערען.

דער יפו'ר טויער איז דער זעלבער דורך וועלכען אלע זיגער זיינען אריין אין שטאט.

— אט דאס איז דער „מגדל־דוד" — האלט ער אין איין ריידען — און דארט איז דער נייער טורעם. וואס ווילהעלם האט אויפגעבויעט אויף זיין לעצטען באזוך אין שטאט.

דער „גייד" האט דא געענדיגט ריידען און אין מיין הארץ האט ערשט אנגעפאנגען שטורמען.

איך בין מיט אמאל צוריק געווארען דאס קליין אינגעלע, וועלכער איז געזעסען אין חדר מיט זיין רבין. דעם תנ"ך און אידישע היסטאריע געלערנט, וועמענס הערצעלע פלעגט קלאפען פון פרייד אויף יעדער אידישער גדולה און פלעגט שיעור צעבראכען ווערען אויף יעדען אידישען אומגליק.

איך שטעה פאר די חורבות פון מגדל־דוד און איך זעה אונזער קעניג דעם העלד וועלכער האט מיט מאכט און מיט פארשטאנד באזיגט די קעניגע וואס זיינען אינם וועג געווען און אט דערזעה איך די חורבות, דעם גרויסען שטארקען דוד'ס ארבייט איז צעשטערט און צעבראכען און נישט ווילענדיג קייקעלט זיך א טרער פון אויג.

איך הייב אויף מיינע אויגען און זעה דעם טורעם וואס קייזער ווילהעלם האט אויפגעבויעט אויף דעם אלטען מגדל־דוד און עס ווילט זיך מיר לאכען זעהענדיג ווי א מוראשקע קריכט אויף א לייב...

א צעהן מינוט גאנג און מיר זיינען פארביי דעם מגדל־דוד און ארויס דורך דעם ציון טויער גלייך אויף דעם ציון־בארג.

אונזער גרופע האט זיך דא ווידער אפגעשטעלט, און דער „גייד" האט אונז אריינגעפיהרט אין דער קירכע וואס דער עקס־קייזער האט אויף דיזען בארג אויפגעבויעט זיך און זיין פרוי אין גאלד אויף דעם סיילינג אויסגעמאלט.

עס הערט זיך א מורמעל פון די קריסטליכע סאלדאטען. מאנכע שעלטען דעם עקס־קייזער פאר זיין העזה, און איך שטעה ווי א צעמישטער פון פרייד. איך וויל יעצט קיין זאך נישט וויסען א חוץ דעם וואס מיינע פיס שטעהען אויף דעם הר־ציון.

אראפגעהענדיג דעם הר־ציון איז שוין די גרופע גוט מיער געווען. פון געהן אויף דעם בארג ארויף און בארג אראפ.

לעבען דעם נחל־קדרון האט זיך די גרופע געזעצט רוהען. די פרומע סאלדאטען האבען אנגעפאנגען זאגען תפילות, אנדערע — דיסקוטירען, מאנכע זיינען אוועק צום „גייד" הערען לעגענדעס.

איך האב איינזאם זיך אויסגעצויגען אויף דעם ווייסען זאמד, קוקענדיג אויף'ן הימעל פרעגענדיג זיך אליין: ווען דאס נאך אמאל אונזערע זיין?

אין א האלבע שטונדע ארום און מיר זענען זיך אויפגעשטעלט און פארגעצויגען אונזער מאשרוט.

אט דאס איז „עמק יהושפט" אויף דיזען פלאץ וועט די וועלט משפט'ען ווען משיח וועט קומען און. דערפאר שפארען טויזענדע מענשען זייער גאנץ לעבען, כדי צו זיין באגראבען נאהענט צו דיזען פלאץ. אז ווען גאט וועט זיי צום משפט רופען, זאלען זיי זיך נישט דארפען צופיעל מטריח זיין און דערווייל שווענקען די רעגנס אראפ זייערע ביינער צום ים־המלח יעדען יאהר. ווייל דאס פלאץ איז בארג אראפ. און אט אזוי איז א בית־עלמין אן עלית פון א שטענדיגער מענשליכער טראגעדיע. מען האוועט ביים לעבען דעם טויט צו פארזארגען און אם ענדע פארליערט מען אויך דאס טויטע.

מיר געהען ווייטער און קומען צו יד־אבשלום. דער „גייד" האט ווידער אנגעהויבען צו דערצעהלען מכח דיזען טורעם וואס אבשלום האט אויפגעבויעט אום זיך געגען זיין פאטער צו באזארגען. עס האט אימער געהאט אן אויסגעשטרעקטע האנט אין דער הויך פון טורעם צוליעב וואס מען האט עס טאקע א נאמען געגעבען: „יד־אבשלום" אבשלום'ס האנט. ביז גאט'ס שותף ווילהעלם איז געקומען און האט די האנט פאר'משפט צו צעבראכען ווערען. ערקלערענדיג אז ער קען נישט לאזען א האנט וואס הויבט זיך געגען זיין פאטער. ער אליין האט די האנט אפגעשאסען.

דא האט דער „גייד" אפעלירט אז יעדער זאל א שטיין דורך דעם קליין פענסטעריל אריינווארפען ווייל א בן סורר קומט סקילה, ציינענדיג דעם ביישפיעל. האבען איהם אלע נאך געטאן, זיי האבען זיך דערביי געוויצעלט, און שפאס געמאכט.

איך בין געשטאנען ווי א געלימטער. פאר מיר האט יעצט עקזיסטירט א מצבה פון דעם אלטען אידישען קעניגרייך, ווען עס איז א שטאלץ געווען צו זיין אן אונטערטאן פון דער אידישער דינאסטיע.

און ווי דער שטייגער האט מען זיך פאר דעם טראן מעהר ווי איין מאל געשלאגען, פונקט ווי אלע אנדערע דינאסטיעס. אבער די; איז מיינע געווען און עס איז א שטאלץ געווען צו זיין אן אונציאנער פונקט ווי דער אמאליגער רעוואלוציאנער. איך וואלט נאך יעצט אויך א אבשלום'ן אלס מיין פרינץ באגריסט.

אביסעל ווייטער, און דער „גייד" ווייזט אונז אן וואו שלמה־המלך האט א פאלאץ פאר פרעה'ס טאכטער געבויט און האט איהר יעדען טאג דארט געזוכט און זיין פאלק פארנאכלעסיגט צוליעב דעם.

און עס דוכט מיר, אז אט איז מיין קעניג שלמה מיט זיין סוויטע. זיי פארלאזען דעם ציון טויער, און געהען גלייך צו דעם פאלאץ וואו דער „גייד" האט אונז צוגעלאפען צו דער גרופע וואס האט זיך

קאן אן! — האט א קאמעראד צו מיר א געשריי געגעבען — איך בין שנעל צוגעלאפען צו דער־גרופע וואס האט זיך דערווייל דערווייטערט פון מיר.

מען האלט אין געהן בארג ארויף, בארג, אראפ, דער „גייד" דערצעהלט פעק מיט מעשיות אויף יעדען טריט וואס מיר געבען. יעדער פוס ערד איז מיט היסטאריע בארעקט.

אט זיינען מיר שוין פארביי דעם פינפטען טויער און מיר קומען צו דער קירכע פון זיבען גלאקען, וועלכע ניקאלאי ראמאנאוו האט צוליעב זיין מוטער'ס כבוד געבויעט. דיא קריסטען אינטערעסירען זיך אין דעם רייכען טשוירטש, זיי זאגען מיינונגען, מען באוואונדערט. מיך קימערט דאס גאנץ ווייניג ביי מיר האט אן אלטער שטיין פון א אידישע חורבה מעהר ווערטה ווי די זיבען גאלדענע קופלען פון דער קירכע.

פון דיזען פלאץ זענען מיר אוועק צו אן איטאליענישער קירכע, וועלכע איז ארומגערינגעלט מיט א שעהנעם גארטען.

דא האט אונז א מאנק וואסער און בלומען געגעבען און דערפאר „באק־שיש" געבעטען. דער „גייד" האט אונז אנגעצייגט אויף אן אמת אלטען בוים וואס קריסטוס האט דא עפעס א נס באוויזען, און צוליעב דיזען זכות געבעטען מען זאל דעם מאנק וואס מעהר צדקה געבען... מן הסתם טיילען זיי זיך נאכהער.

אט געהען מיר אריין אין א הייל אזא, וואס מאנכע זאגען אז קריסטוס האט זיך דא באהאלטען, מאנכע זאגען, אז דא איז זיין קבר. דער „גייד" דערצעהלט אז מען האט א פרייז פאר דעם יעניגען, וואס וועט דא א נאכט איבערשלאפען.

צולעצט האבען מיר זיך געלאזט געהן צו דער פינסטערער קירכע.

אויף דעם וועג האבען מיר דערווייל געזעהן שלמה'ס טויער, א פלאץ וואו די פריי־מייסאנס האלטען זייערע קאנווענשאנס און אויך דעם מארק טויער, לעבען וועלכען מען קען זעהן ווי אראבער זיצען לעבען די קניענדיגע הימלען און באקען. איך בין זיכער אז עס אונטערשיידעט זיך גאנץ ווייניג, ווי פון דער צייט ווען ירושלים האט די הויפט ראליע געשפיעלט, נאר אט זענען מיר שוין ארונטער די וואסערע אבציג טרעפ, און מיר געפינען זיך אין א פינסטערע קירכע, וואס אפילו די קירכע לאמפען וועלכע ברענען, מאכען נישט ליכטיגער.

מאנקס האבען יעדען פון אונז ליכט־לאך געגעבען, און אין דער בעגלייטונג פון אונזער „גייד" האבען מיר באזוכט אפשר הונדערטע אבטיילונגען וואס געפינען זיך דא אפגעטיילט מיט טיערע טעפיכער.

דאס איז דער פלאץ וואו דריי פער־

(שלוס אויף זייט 6)

בעקאנטמאכונג

צום דעטראיטער פובליקום און אומגעגענד

זונטאג דעם 14טען מארטש

2 אוהר נאכמיטאג

וועלען מיר פייערן אונזער גרויסע שמחה פון דער

סיום התורה

וועלכע די „לײדיעס עקזילערי סאסייעטי", פון דער גרויסער קאנגרעגיישאן אהבת אחים געבען אריין צו אונזער שול.

מיר בעטען אלע אידען פון דעטראיט, זאלען קומען און אנטהייל נעהמען אין אונזער היילינער שמחה, ווייל דאס איז די ערשטע ספר תורה וואס ווערט אריינגעגעבען אין דיזער נייער שול.

דער ספר וועט גענומען ווערען פון הויז פון וויים־פרעזידענט מר. פעטשערסקי, 157 גרווין און וועט פעבראכט ווערען אין שול אהבת אחים, 124 דעלמאר.

אכטונגסאלל די קאמיטע

בית יתומים

א מיטינג פון בית יתומים ווערט אפגעהאלטען

אין אוטאפיע האל

קאר. הײ און הײסטינגס

דינסטאג מארטש דעם 16־טען

אום 8 אוהר אווענט

זייט וויסען אז מיר שיקען ניט מעהר קיינע לעטערס פאר קיין מיטינג, מר לאזען דאס וויסען, דורך דער פרעסע.

C. W. Kotcher Lumber Co.

ברעטער אלערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס.

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.

Melrose 3390

פאר אינוועסטארס

Mathew Finn

פרעזידענט פון פיפעלס נעשא

Private Bank

— אין —

פארעין עקססשיינדזש או דזשענעראל בענקינג

82 Griswold St.

די ביריהמטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס מצות

אין ־ דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע און לאנג קאסט ביליגער ווי גע וועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס!

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder   Cherry 6203

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלערס.

קעדילאס 2061

די פיפעלס נײשאנאל באנק

1842 רושאזעף קעמפאו

האט ערעפנט

א פאריין עקסטשענזש

נאכ'ן טעגליכען קורס.

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער-שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאָן: מעין 3715.

9 מאס רייד

פון ב. י. ג—ן

די פרוי האט ניין מאס רייד.

אזוי האט מען שטענדיג געדענקט וועגען דער פרוי און אזוי דענקט מען בעט היינט.

זאל זיך אבער אירגענד וועלכער מאן בעסער צוקוקען וועט ער זעהן, ערשטענס אז עס פעהלט דעם מאן אויך ווייניג צו די ניין מאס רייד, און, צווייטענס, אז די פרוי, אויב זי איז א רעדעוודיגע איז עס אין ניינציג פּעלע פון הונדערט ניט איהר שולד.

פאר אלעם ווייסען מיר, אז די באהויפטונג דאס די פרוי באזיצט ניין מאס רייד, קומט פון'ם מאן. די מענער ווידער, לאמיר צוגעבען, זאגען דאס, ניט אויס השערה, נאר זיי ווייסען דאס טאקע פון פראקטיק. ד. ה. זייערע אייגענע פרויען רעדען א סך.

ווען דיזעלבע מענער זאלען זיך אבער בעסער צוקוקען צו זייערע אייגענע אויפפיהרונגען, וועלען זיי אויסגעפינען, אז זיי אליין רעדען א סך מעהר איידער די פרויען.

מיידעלוויי — איז דאך אפגערעדט — אז דער וואס שרב'ענט זיך צו א מיידעל איז אימער און שטענדיג דער באַרעדעוודיגער.

יעדער יונגערמאן ווען ער קומט צו זיין כלה, אדער צו „זיין מיידעל", האט ער שטענדיג וואס צו רעדען, איבער פארשידענע טעמאס, וועגען פארשידענע געשעהעענישען און פאסירונגען, וועגען זאכען וואס אינטערעסירען ניט דעם מיידעל — דער יונגערמאן רעדט וועגען אלץ און אלעמען, וועגען אלץ און אלעם.

און דעמאלט שווייגט דאס מיידעל.

נאך דער חתונה, ווען די מאנאטען זענען נאך גאלדענע, איז אויך דאמאלט דער מאן דער הויפּט רעדנער. ער רעדט וועגען דער צוקונפט, וועגען זיינע פלענע, וועגען דעם צוקונפטיגען פאמיליען לעבען און ווי ער דענקט מען זאל זיך איינארדענען.

שפעטער אבער מיט א שטיקעל צייט, ווען דער מאן איז שוין מעהר אין גאס, איידער אין הויז, רעדט שוין דער מאן ווייניגער.

און ניט אויס שלעכטקייט טוט ער עס:

יעדער מאן, זייענדיג אין גאס, טרעפט זיך אן מיט פארשידענע מענשען, מיט פארשידענע באקאנטע, פארשידענע פריינד. יעדער שטעלט איהם אפּ, יעדערען שטעלט ער אפּ. מיט איטליכען מוז ער, דארף ער רעדען. דער מח ווערט דורכ'ן טאג אנגעשטרענגט און די „ביזנעס", מיט פארשידענע פלענער, אונטערנעהמונגען, אויפטואונגען פאר זיך, ווי אויך פאר געזעלשאפטליכער ארבייט; מ'ווערט מיעד אי גייסטיג אי קערפּערליך און אז דער מאן קומט אהיים נאך אזא טאג האוען, הארוען און רעדען, ווילט זיך איהם רוהען. עס ווילט זיך איהם כאפען א קוק אין א צייטונג, א שפּיעל מאן זיך מיט די קינדער, זיך גיהן ערגיץ אמוזירען, אדער נאר באלד זיך לעגען שלאפען.

צום רעדען איז ער ניט אויפגעלעגט. דאס רעדען איז פאר איהם אציגר אן ארבייט; די קלענסטע אנשטרענגונג איז פאר איהם א שווערע ארבייט.

ער האט געארבייט א גאנצען טאג, ער האט גערעדט א גאנצען טאג. אהיים קומט ער אפּעסען, זיך אפּרוהען און — שווייגען.

* * *

וואס טוט די פרוי א גאנצען טאג?

זי ארבייט ניט ווייניגער און אמאל שווערער איידער דער מאן, און זי האט ניט מיט וועמען אווארט אויסצורעדען.

די פרוי וואס האט קינדער האט אן ארבייט מיט די קינדער, די אבער וואס האט ניט קיין קינדער, אדער זיי זענען שוין אביסעלע אונטערוואקסען און שפּיעלען זיך שוין אליין — אזעלכע פרויען רעדען לויכשטעבליך טעג וויז מיט קיינעם א ווארט ניט אויס.

זי שטעהט א גאנצען טאג ארום אויווען, קאכט דעם „סאפּער" פארטיגט צו אז עס זאל זיין וואס בעסער און געשמאקער, זי וואשט, ריימט, פוצט די קינדער — און אלץ שווייגענדיג. זי וועט דאך ניט רעדען צו די פיער וועגט.

איהר גאנץ האפנונג איז אויף יענער מינוט, ווען ענדליך וועט איהר מאן אהיים קומען.

אז דער מאן וועט אהיים קומען — האפט די פרוי, — וועט זי האבען מיט וועמען א ווארט צו רעדען.

לאזט זיך אבער אויס אז עס קומט אהיים דער מאן, אפּטמאל אן אנגע'ברוגזט'טער, אן אנגעכמורעטער, אן אנגעהארעוועטער און ער קומט אפּ מיט דעם. ערשטען „גוד איווניגג" און מעהר איז ביי איהם א ווארט ניט ארויסצוקריגען. גלייך עס וואלט איהם קאסטען א רענדעל א ווארט.

ער שווייגט.

ער לעזט פּייפּערס, ניט אפשר א קוש דאס קינד. הייסט זיך אויסבעטען צום גיהן שלאפען, אדער ער געהט באלד אוועק צו א מיטינג און ווידער בלייבט די פרוי א שטומע, א שווייגענדיגע.

נון, איז עס א וואונדער וואס אזעלכע פרויען, ווען זיי קומען זיך צוזאמען רעדען זיי א סך?

ווארים אנדעריש קען דאך דאס ניט זיין!

א מענש איז א געזעלשאפטליכעס באשעפעניש. א מענש דארף און זאל האבען שטענדיג מיט וועמען צו בייטען זיינע רייד. שווייגענדיג שטענדיג קען נאר א שטומער, אבער ניט קיין רעדעוודיגער מענש.

„צעהן מאס רייד — זאגען אונזערע חכמים — האט מען אראפּגעגעבען אויף דעם עולם פון די לעבעדיגע מענשען, האבען די פרויען פאר זיך ניין מאס צוגענומען".

און אונז וואונדערט וואי האבען די פרויען ניט גענומען די צעהנטע מאס אויך.

ווארים די צעהנטע מאס, האבען מיר א פארדאכט, וועגט אריבער די אלע ניין. די מענער איז עס צו גלויבען — רעדען א סך מעהרער איידער די פרויען.

אויב אפילו אין איינינע צייטען, ווען זיי קומען זיך צוזאמען, ריידען די פרויען מעהר, איז עס נאר דערפאר ווייל דער מאן ניט דער פרוי קיין געלעגענהייט ניט אמאל צו ריידען מיט איהם. עס איז איהם טאקע ניט צו באשולדיגען. ווייל ער איז אויסגעמוטשעט פונ'ם טאג. עס איז אבער ניט צו פארדענקען דער פרוי וועלכע צוזאמענטרעפענדיג זיך אמאל מיט איהרער א פריינדין, גיסט זי אויס פאר איהר דאס גאנצע ביטערע האַרץ און רעדט זיך אפּ מיט איהר פאר אלע שטומע און שווייגענדיגע וואכען, וואס זיינען אין דעם מיטך ביי איהר אריבער.

די פרויען וויעדער וואס האבען מעהר גלק, און זייערע מענער פארשטעהען די לאגע פון זייערע פרויען און ריידען מיט זיי מעהר, פארברענגען מיט זיי מעהר און לאזען איבער פון זייער טעגליכוגער ענערגיע אויך אביסעל צייט צום רייד מיט זייערע אייגענע פרויען; — אזעלכע פרויען זיינען טאקע שפּארעוודיג אויף רייד, אזעלכע פרויען וועלען זיך קיין מאל ניט פארריידען מיט קיין חבר'טעס, ווייל זיי ווייסען אז אין דער היים וועט ווארטען אויף זיי דער מאן, מיט וועמען עס איז זיי אנגענעהמער צו ריידען און צו פארברענגען, איידער אין א פרעמדער סביבה.

—::—::—

הומאר און וויץ

אט איז דער טאטע!

קינד (ציינענדיג אויפ'ן אקס): — מאמע, דאס דער טאטע?

מוטער: — נאַריש קינד, דאס איז דאך אן אקס.

קינד: — נו, דו זאגסט דאך אלע מאל אז דער פּאפּא איז אן אקס.

* * *

זיי גלייבען ביהידות

זרח — איך קען דאס גאר ניט פארשטעהן, פייטעל, איך בין געווען אין א רעפארם טעמפעל און האב דארט געזעהן אשערם פיינע יונגע מיידלעך, באלימעסיג געקליידעט, און דאך קומען ניט די יונגע לייט אין טעמפעל.

פייטעל — וואס דארפען די יונגע לייט קומען קוקען בצבור, אז זיי קענען דאס זעלבע אויספיהרען ביחידות?

די אלטע שטאָדט

שלום פון זייט 5

טעל פון די קריסטליכע סעקטען גלויבען אז קריסטוס'עס קבר געפינט זיך, און דארום וויל יעדער איינער דאוונען דא און יעדען איז ענג דער פּלאץ. יעדער וויל זיך פאר זיך עס גוויטען א שפּיינען, און ווען עס קומט די צייט, ווען די פּילגריטען קומען אהער דאוונען, ווערען פרעהט, ווען אנצייגענדיג אויף א בארג, בלוטיגע געשלעגען, נאר א דאנק די טערקישע סאלדאטען וואס זענען דא אימער אויף דעם פּלאץ געווען פּלעגט מען זיי איינשטילען.

ארום א האלבע שטונדע האבען מיר פארבראכט אין דיזען פינסטערען גאלד און דימאנטענעם הייל און מיר זענען ארויף אויבען, און פונקט ווי די פרישע לופט פון דרויסען האט מיר ערקוויקט אזוי האט מיך אויך דער „גייד" דערנישט ווייט פון אונז, אז דאס איז דער הר-הזתים, וואו די אידען וועלען אן אר גיוועריזיטעט בויען, און אז אן אנפאנג איז שוין געמאכט געווארען „כי מציון תצא תורה" — האב איך זיך דערמאנט — און מיין הארץ האט א ציטער געטאן פון פרייד.

לעזט דעם „וועג"

נייעס פאר אקלאנד!
א פוירסט קלעס קלינינג, ריפיירינג און טיילארינג שאפ ווי אויך דרעססמייקינג האט זך געעפענט
— אויף —
759 אקלאנד
ניער וועסטמינסטער, נעקסט צו דער קא-אפעראטיווער בעקערי אונטער דעם נאמען
The Sunlight Cleaning and Dyeing Co.
אונזער גוטע ארבייט און מעסיגע פרייזען וועלען איך מאכען פאר אונזער שטענדיגען קאסטימער.

זיי ווילען צושטערען די פריהייט

און

באצאלען דערפאר מיט אייער געלט

די פארלאר סאציאליסטען וואס ווילען אז די דעטראיט'ער וואוטערס זאלען אריינטראגען „אזעלכע" פופצעהן מיליאן טעקס-צאהלערס געלט אויף פיעסמיעל מוניסיפאל רעלוועיס זאגען אז איינע פון די גוטע זאכען וואס דאס וועט אויפטאן איז דאס וואס דאס וועט

רואינירען די די יו אר

צופעליגערוויזע צאהלט די. יו. אר. טעקסעס אויף איבער אכט און צוואנציג מיליאן דאלאר פראפערטי.

וועלען די פארלאר סאציאליסטען צאהלען די אזוינע טעקסעס ווען די ד. יו. אר איז רואינירט?

די ד. יו אר באשעפטיגט זיבען טויזענד מענשען.

וועלען די פארלאר סאציאליסטען באשעפטיגען די זיבען טויזענד מענשען, נאכדעם ווי די ד. יו אר. וועט זיין רואינירט?

די ד. יו. אר. צאהלט אויס צו די אנגעשטעלטע ניין מיליאן דאלאר א יאהר.

וויפיעל ווידזשעס צאהלען די פיעסמיעל מוניסיפאל רעלוועי פארלאר סאציאליסטען צו ארבייטען אין דעטראיט?

אלע פעקטארים ארום גרעיטער דעטראיט זענען אויסגעוואקסען א דאנק דער ד. יו. אר. וואס פיהרט ארבייטער צו און פון דער ארבייט.

די פארלאר סאציאליסטען האבען ניט קיין אינטערעס אין די דעטראיט'ער פעקטארים און האבען ניט אינוועסטעט קיין איין דאלאר אין אירגענד וועלכער אינדוסטרי וואס צאלט א טאג ווידזשעס צו אן ארבייטער.

לאזט זיך ניט פארפיהרען פון די דעמאגאגען

געקענט דאס און לאזט זיך ניט פארדרעען די צייטונג

דער וועג
The Detroit Jewish Daily

The only Jewish Paper Printed in Michigan

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7 authorozed by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Monday, March 15th 1920 Vol. 2, No 28 מאנטאג, מארטש 15, 1920

באדענ'ער רעגירונג געגען דייטשער מאנארכיסטישער פארשווערונג

מיטגלידער פון עבערטס רעגירונג און פרייסישע מיניסטארען ארעסטירט

קארלסרוהע, באדען, מארטש 13. — באלד ווי די ידיעה פון דער איבערקערעניש איז דא אנגעקומען, האט די באדענישע רעגירונג ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע, וועלכע זאגט, דאס די רעגירונג וועט ניט אנערקענען די רעאקציאנערע רעגירונג, וואס איז איינגעשטעלט געווארען אין בערלין, און אז זי וועט מיט איהר קיינע באציהונגען ניט האבען.

גענעראל פאן דעווענס, הויפט קאמאנדיר פון דער באדענישער ארמעע, האט ביטאג ערקלערט, דאס ער וועט שטיצען זיין רעגירונג געגען דער בערלינער נייער רעגירונג.

אין אן אויפרוף צום פאלק זאגט גענ. דעווענס פאלגענדעס:

„די עקזיסטענץ פון אונזער מלוכה איז אין סכנה. אונז דראהט די אקופאציע פון'ם שונא. ראטעוועט די רעפובליק!"

בערלין, מארטש 13. — די לעצטע ידיעות ווייזען אן, דאס אין דייטשלאנד, האט די מאנארכיסטישע איבערקערעניש דערוויל געהאט ערפאלג.

פרעזידענט עבערט און זיין קאבינעט האבען ניט ארויסגעשטעלט קיין באוואפענטען ווידערשטאנד צו די רעבעלירענדע סאלדאטען, ווען זיי זענען אנגעקומען אין בערלין; זיי האבען פארלאזט די שטאדט און עטאבלירט זייער רעגירונג אין דרעזדען.

איינצעלהייטען פון דער איבערקערעניש

די געשעהענישען, וועלכע האבען האר־בען געפיהרט צו דער איבערקערעניש זענען געווען דראמאטיש און שנעל אין זייער ענטוויקלונג.

פרייטאג האט די עבערט־רעגירונג זיך דערוואוסט וועגען אן ערנסטער פארשווערונג ארגאניזירט געגען די עקזיסטירענדע רעפובליקאנישע רעגירונג. באפעהלען זענען ארויסגעגעבען געווארען צו ארעסטירען אלע, אויף וועמען ס'איז געווען א פארדאכט צו זיין פארמישט אין דער פארשווערונג. דער ערשטער אויף דער ליסט פון די דאזיגע איז געווען דר. וואלפגאנג קאפ — באוואוסט אלס רעאקציאנער, — וועלכער איז געווען בארימט מיט זיינע אינטריגעס צווישען די מיטגלידער פון דער „פאטערלאנד פארטיי" געגען דער רעפובליקאנישער פארם פון דייטשלאנד. מיט די איצטיגע פארשווערער איז אויך געווען פארבונדען קאפיטאן פאבסט, א קאוואלעריע־אפיציער, וועלכער האט זיך באריהמט געמאכט מיט זיין גרויזאמער טעטיגקייט געגען די ספארטאקיסטען אין דער צייט פון פאריאהריגער רעוואלוציע. ווי ס'זעהט אויס, איז שוין געווען צו שפעט אויסצופיהרען די ארעסט־באפעהלען, ווייל די פארשווערונג איז שוין דאן געווען אין פולען גאנג. די רעבעלירענדע סאלדאטען אונטער דער קאמאנדע פון ענהארטען, זענען שוין געווען נאהענט צו בערלין.

די רעגירונג האט ניט נאר ניט געהאט דארט א גענוגענדע צאהל סאלדאטען, מיט וועלכע צו באקעמפפען די פארשווערונג, נאר זי האט אפילו מורא געהאט צו פארלאזען זיך אויף דער איבערגעבענהייט און טרייהייט פון די, וועלכע זענען געווען אין בערלין.

ווען די נייעס איז אנגעקומען, אז סאלדאטען פון דעם גרויסען קעמפ לעבען דעבעריטש רעבעלירען און געהען אויף בערלין, האט פרעזידענט עבערט ארויסגעשיקט אפיצירען פון דער רעגירונגס ארמעע צו באגעגענען זיי און פארלאנגען פון זיי, דאס זיי זאלען זיך אומקעהרען צוריק אין קעמפ. די רעבעלען, וועלכע זענען באשטאנען פון מאטראזען און סאלדאטען, אומגעקעהרטע פון די באלטישע פראווינצען, האבען באגעגענט די רעגירונגס־פארשטעהער — גענעראל פאן אלדערשייזען איז געווען דער הויפט־פארשטעהער — מיט פארלאנגען, וועלכע ער האט געמוזט איבערגעבען צו עבערטס קאבינעט.

אין דער זעלבער צייט, זענען פון די פארשווערער־מאנארכיסטען צוגעגרייט געווארען, די פראקלאמאציעס, אין וועלכע ס'איז ערקלערט געווארען וועגען דער איבערקערעניש, און אז די נאציאנאלע פארזאמלונג איז צוטריבען געווארען.

די רעגירונג האט באלד ארויסגעלאזט אן אפיעל צום פאלק צו באקעמפען די רעאקציאנערען, און אז דער איינציגער מיטעל געגען אומקעהרען פון דער האהענצאלערן־דינאסטיע איז סטרייקען.

די רעגירונגס פארשטעהער האבען גאנץ פריה פארלאזט בערלין און אנגעקומען קיין דרעזדען, דער נייער פלאץ פון עבערטס רעגירונג.

די איבערקערעניש איז געווען, לויט די באריכטען, א בלוטלאזע. דער ברייטער עולם איז געווען איבערראשט צו הערען די נייעס פון דער נייער רעגירונג.

מיטגלידער פון עבערטס קאבינעט ארעסטירט

בערלין, מארטש 14. — קלאנגען טראגען זיך ארום, דאס הערר גאטליב פון יאגאוו געוועזענער אויסערן־מיניסטער אין'ם קאבינעט פון יאהר 1914, וועט פארנעמען דעם אמט איבער אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען.

פאלגענדע מיניסטארען פון עבערטס רעגירונג זענען ארעסטירט:

יוסטיץ־מיניסטער, שיפער; פרייסישער פרעמיער, הירש; מיניסטער הייניש; פרייסישער אינערליכער מיניסטער, היינע.

א פראוויזארישער מיניסטעריום איז צוזאמענגעשטעלט געווארען:

רייכס־קאנצלער, דר. קאפ.

פארטיידיגונגס־מיניסטער, גענ. באראן פאן לוטוויטש.

פינאנץ־מיניסטער, די אבער פינאנציראט באנג.

רעליגיאנס־מיניסטער, דר. טויב.

גאסקע גיט זיך איבער דער נייער רעגירונג

לאנדאן, מארטש 14. — לויט א באריכט פון בערלין האט זיך נאסקע, דער פארטיידיגונגס מיניסטער פון עבערט־קאבינעט, איבערגעגעבען דער נייער רעגירונג.

אמעריקא שלאגט פאר נייעם האנדעלס פלאן מיט רוסלאנד

וואשינגטאן, מארטש 13. — א קלאהר באשטימטער פלאן פאר קאמערציעלע באציהונגען מיט רוסלאנד אהן צו אנערקענען די סאוועט רעגירונג, איז פון די „יונייטעד סטאטען פארגעשלאגען געווארען צו דעם העכסטען ראט.

די בעאמטע פונ'ם סטייט דעפארטמענט האבען זיך ענטזאגט צו רעדען וועגען פלאן, ביז זיי וועלען ערהאלטען אן ענטפער פון די אליאירטע אויף אמעריקא'ם פארשלאג.

ליגע ערוועהלט 10־נער קאמיסיע קיין סאוועטען־רוסלאנד

פאריז, מארטש 13. — די נאציאנען ליגע האט אויף דער הייגטיגער ספעציעלער זיצונג ערוועהלט צעהן מיטגליעדער אלס קאמיסיע קיין סאוועטען רוסלאנד, וואו זיי וועלען נאכפארשען די דארטיגע לעבענס־באדינגונגען.

אין זיין ערעפנונגס רעדע, האט לעאן בורזשוא געגעבען אן איבערבליק איבער דער טעטיגקייט פון דער ליגע. ער האט צוגעגעבען, דאס פיעלע צווייפלען, צי די ליגע וועט זיין ערפאלגרייך. נאך זיין מיינונג אבער, האט די ליגע ארויסגעוויזען איהר ווירקליכקייט און לעבענס פעהיגקייט.

דזשאדזש דזשעפריס אטאקירט מעדזשיסטרייט העסטאן

„אז א פאלים מעדזשיסטרייט, וועלכער האלט פאר די לעצטע 6 מאנאטען אין איין אטאקירען דיעזען קאורט, ווייל מען איז דא לאנגזאם מיט די פראצעסען, זאל אפהאלטען א מענשען 34 טעג אויף $500 בייל — דאס איז א זעהר שלעכטער מיסטער פון גערעכטיגקייט".

אט אזוי האט נעכטען דזשאדזש דזשעפריס אין רעקארדערס קאורט ערקלעהרט, נאכדעם ווי אלע עדות זיינען אויסגעהערט געווארען אין דער קייס פון מייקעל סאליוואן, וועלכער איז דעם 18טען פעברואר איבערגעגעבען געווארען צום רעקארדערס קאורט פון פאלים מעדזשיסטרייט העסטאן.

סאליוואן איז פון אנהויב ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון גנבה'נען ציגארס און איז פאר'משפט געווארען פון מעדזשיסטרייט העסטאן צו 90 טעג אדער $100. זיינע פריינד האבען דעמאלט פאר איהם באצאהלט די הונדערט דאלאר און ער איז באפרייעט געווארען.

אבער באלד איז סאליוואן ארעסטירט געווארען אויף א צווייטע גנבה־קלאגע און ער איז ווייטער געבראכט געווארען פאר דזשאדזש העסטאן. ער האט זיך ערקלערט ניט שולדיג און זיין לאיער האט געזאגט, אז ער וויל געהן מיט זיין קייס צו א דזשורי.

נעכטען איז פארגעקומען דער טרייעל אין רעקארדערס קאורט און דער פארטיידיגונגס לאיער האט זיך געקלאגט, אז העסטאן האט אפגעהאלטען די ערשטע „הירינג" פון זיין קייס ביז דעם 30טען מארטש. דאס — האט ער געזאגט — איז געגען געזעץ, ווייל יעדער ארעסטירטער מוז געשטעלט ווערען צום משפט אין 10 טעג ארום.

אויסהערענדיג דעם לאיערס טענות און די פארשיעדענע עדות, איז סוליוואן באפרייעט געווארען און פאלגליך איז שוין געקומען די אויבען ציטירטע אטאקע אויף מעדזשיסטרייט העסטאן פון פאלים קאורט.

אדמיראל סימס באהויפטעט פלאטען־דעפארטמענטס נאכלעסיגקייט האט געקאסט האלבען מיליאן לעבענס

וואשינגטאן, מארטש 12. — אדמיראל סימס האט היינט פאר דער אויספארשונגס סענאט קאמיטע געמאכט א שווערע באשולדיגונג געגען דעם פלאטען דעפארטמענט. לויט זיינע ווערטער האט דער פאקט, וואס דער אמעריקאנער פלאטען דעפארטמענט האט פארנאכלעסיגט צו שטעלען זיך אין נעהענטערע פארבינדונגען מיט די אלייעס אין פארלויף פון די ערשטע 6 מאנאטען פון אמעריקא'ס אריינטרעטען אין קריעג, פאראורזאכט א פארלוסט פון א האלבען מיליאן מענשליכע לעבענס, 15 ביליאן דאלל., צוויי און א האלבען מיליאן טאן פון שיפען. דיעזע ערקלעהרונג האט דער אדמיראל געמאכט, ווען ער האט דער סענאט קאמיטע איבערגעגעבען דאקומענטאלע באווייזע פאר זיין באשולדיגונג געגען דער נאכלעסיגקייט פון פלאטען דעפארטמענט.

ער האט געלייענט פאר דער קאמיטע זיינע רעקאמענדאציעס, וואס ער האט געמאכט צום פלאטען דעפארטמענט, גלייך ווי ער איז אנגעקומען קיין לאנדאן אין יאהר 1917.

דעם פלאטען דעפארטמענטס ענדגילטיגער באשלוס אנטייל צו נעהמען אין דער מלחמה, האט אדמיראל סימס געזאגט, איז צו איהם ערשט געקומען אין 27 טעג, נאכדעם ווי אמעריקא איז אריין אין קריעג.

אלע פלענער, האט דער אדמיראל פארגעזעטצט, האבען געדארפט געמאכט ווערען איידער מיר זענען אריין אין קריעג און האבען געדארפט ווערען אויסגעפיהרט דעם זעלבען טאג וואס מיר האבען מלחמה ערקלעהרט.

אין דעטראיטער קאורטס

פיי זיך אין הויז איז יעדער איינער באלעבאס

„א מענש האט א פאלשטענדיגע רעכט צו זיין שכור ביי זיך אין הויז".

אט אזא משפט האט לעצטען שבת ארויסגעגעבען דזשאדזש סטיין אין דער „קייס' פון ניק דיקסאן, 164 הייסטינגס סטריט, וועלכער איז געבראכט געווארען אין קאורט אויף דער קלאגע פון שיכרות.

דזשאדזש סטיין האט ארויסגעבענדיג דעם דאזיגען אורטייל געזאגט אביסעל מוסר דעם פאליסמאן וואס ווייסט ניט, וואס אין „פסוק" שטעהט.

אז ס'נישטא קיין „בוז" איז פארפיום אויך ניט שלעכט

„ס'איז געווען אזוי געשמאק, דזשאדזש! א, דזשאדזש! ס'האט געשמעקט פונקט ווי פארפיום, און — א, גאט! — וואס פאר א שטארקען מיטעל עס האט געהאט!"

אט אזוי האט זיך לעצטען שבת איינער א טאמאס נארטאן, פון דזשעפערסאן עוו., צעציטערט פאר דזשאדזש סטיין, וועלכער איז פון א פאליסמאן געפונען געווארען אויף דזשעפערסאן עוו. טרינקענדיג פארפיום, וואס האט ענטהאלטען 50 פראצענט שטארקייט.

— וויפיעל האסטו געטרונקען — האט דער ריכטער געפרעגט דעם אנגעקלאגטען.

— א, דזשאדזש, — האט נארטאן דעקלאמירט — פונקט אזוי פיעל וויפיעל א דורשטיגער מענש וואלט גענומען צו פארטרייבען זיין דורשט.

דזשאדזש סטיין האט געענטפערט, אז ס'איז איהם ניט גענוג קלאהר, וואס פאר א מאס פארפיום א מענש דארף האבען, אום צו פארטרייבען זיין דורשט, אבער ער איז זיך — זאגט ער — משער. ער האט באפרייעט דעם „דזשאק' מאכער אויף דעם גרונט וואס יענער האט זיך געקלאגט, אז ער איז נעבאך טויט קראנק און אז ווען דער פאליסמאן וואלט זיך איהם נישט געשטעלט אין וועג, וואלט ער שוין איצט געווען אין א האספיטאל ערגעץ וואו אין אינדיאנאפאליס.

גענומען א קאפעטשקע אום צו פארטרייבען ציינהן־וועהטאג

„איך האב געהאט א גרויסען ציינהן־וועהטאג, האב איך גענומען א קאפעטשקע און איך דענק, אז אז דער ציינהן־וועהטאג, אי דער שנעפסעל זיינען געווען פאר מיר צופיעל".

אט אזוי האט זיך שבת פרענק קראנין פון שיקאגא פארקלאגט פאר דזשאדזש סטיין, ווען ער איז געשטאנען אונטער א קלאגע פון „איבערכאפען די מאס".

„דאס איז א גאנץ נייע טענה! — האט דער ריכטער געענטפערט. — איך בין געוואוינט געווארען מעהרסטענס צו הערען פון „פליו', אבער ווען איך זאל אננעהמען ציינהן־וועהטאג פאר אן ענטשולדיגונג, דאן דארף איך שוין נעהמען אין אנבעטראכט אזעלכע קראנקהייטען ווי קאפ־שמערצען, ליעבעס־שמערצען א. ז. וו."

קראנין איז באשטראפט געווארען מיט 3 דאלאר, ווייל ער האט זיך געקלאגט, אז ער איז נעבעך א גרויסער קבצן.

$5 „אדמישאן פי" צו „אנדערע וועלטען"

„וואלסטו ארייננעטראגען שנאפס אין א טשורטש?" — האט דזשאדזש סטיין געפרעגט איינעם א טשארלס קראופארד, וועלכער איז געשטאנען אונטער א קלאגע פון ארייננבריינגען שנאפס אין י. מ. ה. א.

„וועל, דזשאדזש — האט דער אנגעקלאגטער געענטפערט — איך וואלט אפילו אין קלויסטער אריינגעבראכט א שנעפסעל ווען איך בין שיכור. איך האב דען געוואוסט אויף וואסער וועלט איך בין געווען?

„איך ווייס אויף וואסער וועלט דו ביסט געווען — האט דער ריכטער געענטפערט — דו ביסט געווען אין וועלטען, וואו מ'דארף באצאהלען „אדמישאן פי'. איידער מען געהט אהין אריין. אלזא, ס'וועט דיר קאסטען 5 דאלאר אדמישאן פי..."

איבערטראטען דעם געזעץ פון „לייזדים פוירסט'

פרענק קוראן און דזשיימס נעלסאן, זיינען זיך געשטאנען לעצטען ש'בת אין א דאונטאון דעפארטמענט סטאר און געלעגט „סילקבלאוזעס" אין די „פאזיבעס" אריין.

זיינען אנגעקומען צוויי פרויען דעטעקטיווס און זיי געוואלט נעהמען אונטער די ארעמס פאר א „וואק" אין פאליסטייישאן, האבען זיי זיך אנטזאגט און אנגעפאנגען לויפען ווי פאר'סמ'טע.

אין אזוי זיך לויפענדיג, זיינען זיי אריינגעלאפען אין די ארעמס פון 2 מענער דעטעקטיווס.

אט דאס האבען זיי אויסגעפיהרט...

געקומען אין קאורט, האט זיי דזשאדזש סטיין צוגע'משפט צו באצאהלען צו $25 פאר „רעפיוזען' א שפאציער מיט די לייידי דעטעקטיווס"...

400,000 פראנצויזישע ארבייטער אין סטרייק

פאריז, מארטש 13. — נאהענט פון 400,000 פערזאנען סטרייקען איצטער אין פראנקרייך, לויט א רעפארט וואס איז לעצטענס ארויסגעגעבען געווארען פון די בעאמטע פון דער ארבייטער פעדעראציע אין ליאנס.

עס ווערט ערווארטעט, אז אויב עס זאל אזוי אנהאלטען, וועט אין גיכען דער פלאן פון די ראדיקאלע ארבייטער פיהרער וואס באשטעהט אין ארויסרופען א גענעראל קוילען סטרייק איבער'ן גאנצען לאנד, זיך קרוינען מיט ערפאלג.

אין פאריז איז דוקא ניטא אזוי פיעל סטרייקס ווי אין אנדערע טיילען פון פראנקרייך. אין דעם נארד טייל זיינען לעצטענס 20,000 קוילען גרעבער ארויס אין סימפאטיע סטרייק מיט די קוילען־גרעבער פון פא־דע קאלעי.

אין דער זעלבער צייט איז דא באקאנט געווארען, אז ארום 5,000 בילדינג ארבייטער זיינען יעצט אין סטרייק און זייער צאהל ווערט טעגליך פארגרעסערט.

אין פאריז סטרייקען יעצט שוה־מאכער, אפהאלסטערער, וועבער, מארבעל־ארבייטער און אנדערע.

נייע צוויי בריקען וועלען געבויעט ווערען איבער דעם ריווער רוזש

אין די קומענדע וואהלען נעקסטען אפריל, וועלען די בירגער פון דעטראיט און וועין קאונטי געבעטען ווערען, זיי זאלען שטימען פאר א סומע פון $1,600,00 פאר דער אויפבויאונג פון 2 בריקען איבער דעם ריווער רוזש, איינעם אין דזשעפערסאן עוו. און דעם צווייטען אויף פארט סטריט.

די ארבייט פון אויסבויען דיעזע צוויי בריקען וועט שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון דער באארד און קאונטי ראוד קאמישיאנערס, וועלכע האבען ארויסגעגעבען א בולעטין, וואס איז מודיע וועגען דעם פראיעקט און וועגען די אורזאכען פון דער פארלאנגטער גרויסע סומע.

אינם בולעטין ווערט צווישען אנדערעס געזאגט, אז די איצטיגע בריקען זיינען אלט, איינגעזונקען, שמאל און אזוי לאנגזאם אז ווען זיי ווערען געעפענט שטעלען זיי פאר א לאנגער צייט אפ דעם פארקעהר.

פאליציי און פייערמען ווילען גרעסערע וויידזשעס

לעצטען פרייטאג זענען ארום 400 פייערמען און פאליסלייט געקומען צא'ם מיטינג פון סיטי קאונסיל בייצוואוינען א „הירינג", וואס איז דארטען אנגעגאנגען וועגען א מינימום „סאלארי' פון $2,300 א יאהר, אנשטאט $2,060 וואס זיי קריגען יעצט.

ראבערט דזש. גאלאגער, דער פרעזידענט פונ'ם מעטראפאליטאן קלאב איז געווען דער מליץ יושר פאר דער פאליציי און פייערלייט. ער האט אנגעגעבען אז אין יענער צייט ווען דער אלטער בודזשעט איז באשטימט געווארען האט מען גערעכענט, אז די געוועהנליכע רענט סומע וואס א פאליסמאן צאהלט איז 35 דאלאר, אבער זינט יענער צייט איז רענט טייערער געווארען און פיעלע פאלים און פייערלייט זיינען געצוואונגען צו צאהלען 45 דאלאר א מאנאט רענט.

דעם זעלבען רעכנונג האט ער געמאכט מיט אנדערע לעבענס מיטלען. לויט רעגירונגס סטאטיסטיקס האט דער קאסט פון לעבענס־מיטלען געשטיגען אויף 200 פראצענט. ער האט אנגעוויזען, אז אין פאליציי דעפארטמענט פעהלען יעצט 220 מאן צו דער באשטימטער צאהל און 167 פעהלען אין פייער דעפארטמענט. דאס איז — האט ער געזאגט — דערפאר, וואס קיינער וויל יעצט ניט זיין קיין פאליסמאן אדער פייערמאן, ווייל עס באצאהלט זיך ניט.

עס ווערט ערווארטעט אז דער סיטי קאונסיל וועט קומענדע וואך נעהמען א באשטימטע שטעלונג אין דער דאזיגער פראגע.

גנבות און רויבערייען

אין סטאר פון מאקס ראזענבערג, 369 בישאפ סטריט, איז פרייטאג פריה ארויסגעגנב'עט געווארען פאר 655 דאלאר דריי גודס.

סעם ה. נאוהאן פון 2299 גרענד ריווער עוו., האט באריכטעט צו דער פאליציי, אז $25 איז ארויסגעגנב'עט פון זיין סטאר קעש רעדזשיסטער.

רומעניען צופרידען פון לענינ'ס שלום־פארשלאג

גענף, מארטש 13. — לענינס שלום־פארשלאג צו רומעניע שליסט איין דעם פארשפרעכען, אז רומעניע וועט צוריקקריגען די פינף ביליאן פראנק, וואס ווערען יעצט געהאלטען אין מאסקווער קרעמלין.

דיעזער פאנד, וועלכער באלאנגט צו דער רומענישער מלוכה, איז געהאלטען געווארען אין מאסקווע פאר די לעצטע דריי יאהר. דייטשלאנד איז באפאלען רומעניע, האט דעמאלט די רומענישע רעגירונג איבערגעפיהרט קיין מאסקווע דעם געלד רעזערוו פון איהר נאציאנאלער באנק.

ווען די באלשעוויקעס זענען אריין אין מאכט, האט לענין זיך אנטזאגט אומצוקעהרען דיעזען פאנד. דער איצטיגער פארשפרעכען פון לענינען, אז דאס געלט וועט אומגעקעהרט ווערען, וועט נאטירליכערווייזע האבען אן איינפלוס אויף די קומענדע שלום פארהאנדלונגען.

לענינס שלום פארשלאג צו רומעניע איז באזירט אויף די פאלגענדע קאנדיציאנען:

ערשטענס, אנערקענונג פון דער רוסישער סאוועט־רעפובליק; צווייטענס, באצאהלען שאדענערזאץ פאר די פארנומענע רוסיש־מיליטערישע מאטעריאלען, נאכדעם ווי די רוסישע טרופען האבען פארלאזען רומעניע, דריטענס אמנעסטיע פאר אלע רומע[illegible] ...טישע פליכטלינגע אין [illegible]

[illegible] דעם שלום־פארשלאג ווערט אויך געגעבען א פארשפרעכונג צו רומעניע, אז איהרע תביעות אויף בעסאראביע וועלען אין אנבעטראכט גענומען ווערען.

אין בוקארעסט ווערט דער שלום־פארשלאג באטראכט אלס העכסט צופרידענשטעלענד.

Public Library 42nd and 5th Av.

19 יאהריגע „קראסאוויצע" ארעסטירט פאר האנדלען מיט שעדליכע דראגס

פרייטאג אווענט איז ארעסטירט געווארען א יונג שעהן מיידעל מיט'ן נאמען ביטריס סינגעלטאן, וועלכע האט אנגעפיהרט א אונגעהייער גרויסען האנדעל מיט שעדליכע דראגס.

די פרוילין איז ארעסטירט געווארען פונ'ם טשיף רעווענוי אגענט און קאסטאמס אינספעקטאר מעקנאלטי. ווען זי איז ארונטער פון א ווינדזאר פערי, די מייטראן, מרס. גרייס טיילאר האט ביי דער מיידעל געפונען פאר 200 דאלאר מארפין, וואס זי האט געהאט פארבאהאלטען אין א שווארצען שייטעל וואס זי האט געטראגען.

אידישער האספיטאל קריעגט אריין נייע מיטגליעדער

ביים לעצטען רעגולערען מיטינג, דינסטאג אווענט, האט די היברו האספיטאל אסאסיאיישאן צוגעקראגען נייע 45 מיטגליעדער. ווי מר. קאצען דער פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן גיט אונז איבער, וועט נעקסטען זונטאג 4 א זייגער ביטאג פארקומען א מאסמיטינג אין אוקלאנד, אין אהבת אחים שוהל, מיט דעם צוועק אויפצוואועקען דעם דארטיגען עולם פאר א ברייטער טעטיגקייט לטובת דיעזער נאבעלער אינסטיטוציע.

פארעל צושיידט ווייל געמאנדעל וויל נים אויסהאלטען זיין פלונית'טע

דזשאזעף מאנדעל האט פרייטאג צושיידט מר. און מרס. דזשאהן גרוסעל, אויף דעם גרונט וואס די גרוסעלס פלונית'טע האט זיך געקלאגט אז איהר מאן האלט ניט פון סופארטען א ווייב.

דזשאזעף מאנדעל האט באשטימט, אז דאס איינגענטום, וואס דאס פארעל פארמאגט זאל צוטיילט ווערען אויף גלייכע חלקים צווישען זיי ביידען.

דער באוואוסטער חזן
ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע
צופרידענהייט.
571 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
ווערען זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־
דען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן
גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג
7:30 אבענד.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל
אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווי
קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס
קאנטארס, שעלווס, סייפס, כסאי
רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע
פרייזען מעסיגע. ערענטליכע בעהאנד
לונג. 2 סטארס:
רעליייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עם.

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער העננגינג
דעקארייטאר און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און בילינ.
שבת און יום טוב געשלאסען.

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ־
טער זענען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלםסט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
הענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואורד
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. עס
ווערט געמאכט נאר פון ריינער האוואנא.
פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט
קיין חרטה ניט האבען. פארערט דר
ראנד ביי אייער הענדלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון
אונזער גרויסען סטאק. מיר
קויפען פאר קעש און פאר־
קויפען אויף לאנגע
טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע
פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

עס פרעגט זיך מיט וואס עס גענט ארויס דאס אומגליקליכע ארימע קינד פון דער אידישער תלמוד תורה? איך רעד שוין נאר נישט וואס דערנאך קען ער קוים דאוונען, נאר צו אס טויג ער, מיט אס זען ער זיך פארדינען זיין ברויט? קלור ־קעס קען ער אויך ניט, ער האט איבער־געלאזט זיין גאנץ געזונד אין דער תלמוד תורה, ער איז נאר פון דארטען ארויס מיט איין איינגעהויקערטען רוקען או מיט איין אויסגעצויגענער נאז.

לאז זיין, אז אן אייניגע שטעדט זענען די תלמוד תורות אבעסיל שעהענר, נערווי־טער, ריינער ווי איך גיב איבער. נא און דארט איז דען ניט דער איגענער תלמוד תורה מלמד וואס לערנט מיט זיי מעהר ניט ווי גמרא און נעהען טאקע אויך ארויס מיט קוים דאווענען? ען די אידישע תלמוד תורה איז איינגעפיהרט נאר צו דעם צעק, אז אידישע קינדער זאלען ניט לער־נען קיין שום זאך חוץ תורה, אפילו ניט הלאכה. —

אט פון וואנען עס קומען ארויס די ייט מיט וועלכע מיר באגעגענע זיך אין געקופט און געבונדען מיט די גרויסע דעם איצטיגען קאפיטעל, די־לט אס זענען סוחרים ווי לעדערבארג איז. —

כמעט אלע איינפאהר הויז משרתים אין דער נאנצער פראווינץ זענען פארמישט אין דעם נידריגען מסחר און האבע געשעפט מיט די גרויסע ארעסער או טערקישע סוחרים ווא סעקספערירען גלייך נאך קאנ־סטאנטינאפאל באטש זיי קענען נאר ניט די גרויסע סוחרים, נאר די אגענטען קי־מען צו זיי אין די שטעדטלעך, דא ערט אלעם אפגעמאכט אויף שפעטער דא ווערט זיך אפגערעכנט און באצאהלט, דא איז די ערשטע סטאנציע פון מסחר. —

די גאזעטען וואס גיבען אונז אפט איבער דאס גרויסע מערדעריי פון דעם געהיימען מסחר, זענען געוואהר געווארען און ערשט ניט לאנג האבען זיי פארעפענט ליכט אז אי קאנסטאנטינאפאל געמע־די סוחרים פאר יעדער אומגליקליכע פון 500 ביז 1000 רובעל; פון דער ערשטער האנט קויפען די אומגליקליכע פאר נאר און ניט מעהר פאר 100 רובעל א חוץ הוצאות, איצט קען מען פארשטעהן היד וויפיעל העגט די אומגליקליכע געהט דורך מסחר. פארשטעהט זך דער גרויסער וויפיעל די סוחרים פאר דינען און דעם סוחר פיעל מעהר פון אלע. נאטירליך פאר גרויסע שעהנהייטען, פיעל מעהר דאס איז געגנט וויפיעל אבאטניקעס עס געפינען ־ גדר וויפיעל דער קורס האט. —

נאך מעהר טרויעריג פון אלעם איז דאס: אם די וואלף אין דעם געשטאלט פון מענשען רעכענען זיך נאך פאר מענ־שען, פיעל איינפאהר הויז משרתים האבען זיך אייגענע מנינים מט באזונדערע סר תורה־ שען, פאר אידי, נאך פאר עהרליכע אויך: זי האבען אויך ליעב א סך תורה און מיי־נען אויך גלייך דער חסד אז א שטיקל תורה כי טא קאוטעל תהלים וואשט אוו אלע זנד; כם גראם זייגען זיי ביים דאגען גלייך זיך דער פרומער איד, אי זוגען זייער שענדליכען מערדערישען מסחר, קומט נאר אויפ׳ן זינען ניט אויף; זיי זענען שוין אזוי געוואוינט צו דעם מסחר אז זיי העבענען עס פאר א שטענ־דיגער וורנסה, אנדערע מענשען האבען זיך אנדערע מינים פרנסות, און זיי האבען זיך אזעלכע פרנסות ניט־די גאנצע וועלט קענען זיין סוחרים פון זוייז און דעסטגלייכע, וואשען זיי זיך אפ זייער סאוועסט או רעכענען זיך פאר עהרליכע אידען. — אט צו וואס פאר א גרוס פאר־הארבענה דר מנש קן קומען!

עס אז זיך נאר צו וואונדערן ווי די לי בייזיך אין דער הים און די שטאדט וואו זיי וואוגען, פהרען זך בעל בתים, זייערע ווייבער זענען גאנץ פיינע בעל

בית׳טעם, די קינהער האלטען זי אן חדר, ערצהען זיי אידיש א סך פון זיי האבען א שטארק קרעדיט און זענען מענשען פון ווארט — ווי מע זאגט: „א מענש מיט א פאמיליע". —

פאר אזא עהרליכע אידען, פאר א שטי־קען מענשען וואס שעפע ני יענם, שטרט ניט אי יענעמס פרנסה, באליידינט ניט קיינעם און היט זך אפ זן פרנסה, האט זך אויך געלערנט לעדערבארג, אלע שבת איז ער געקומען אין שול אפט באצאהלט שעהן געלט א א שעהן שטיקל תורה, אין דערהיים זיך געפיהרט אידיש מיט שבת זיינע קינדער געראלטען אין חדר און אוך זו נאך דער היינטיגער מאדע פאר זיי וועד מיט־אמיטוב, מיט קוליטש פיש או קידוש, האלטע אידעליי יעהרערס, מיט איין ווארט, לעדערבארג האט זך אויפגעפיהרט ווי א אידישער עהרליכער בעל יבת גלייך מיט אלע אין די וואס האבען ניט געוואוסט פון זיין שענדליכע מסחר, פלעגע איהם כבוד אפגעבע נאך ז שטאנד נאך. —

זיין ווייב האט זיך געהאלטען פאר איין עהרליך אידיש ווייב, אהר מאן — פאר איין עהרלידען שטילען אידען, אהרע קינדער — אידישע עהרליכע קינדער זך שטענדיג גיוואונשעא, גלייך ווי אלע אידישע מוטערס, אז זיי זאל זיי פיעל נחת האבען, זיי זאלען קענען ערגעצי א ז. וו. דער שטייגער איז.

די מאדאם לעדערבארג (אזוי מען פלגט זי איצטער רופען) איז טאקע באמת געו־וועזען אומשולדיג עהרליך אידיש ווייבל, זי איז אמאל געווען א דינסט מיידעל און פאר אהר עהרליכקייט און שטילקייט איז זי געפעלען לעדערבארגען ווען ער איזנאך געוועזען א משרת אין דער סטאנציע, ער האט זיך געעשעט חתונה האבען מיט איהר דערפאר, ווייל ער פלעגט שטענדיג טראכטען און זיינע באקאנטע אויסזאגען „וואס איך בין ־ ־ בין איך, איך מעג זיין א ־ייין משרת, א שארלאטא, און וואס נאר אין דער הארט געפינט זיך, איך וויל אבער אז מיין ווייב זאל זן אן עהרליכע אין עהרליך מיידעל".

(פארטזעצונג פאלגט)

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר־
בייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־
טערארישע אווענטען קאנצער־
טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פערגעט אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

באקאנטמאכונג!
מר. אלטער קאצער
דעטראיט׳ס בעסטער מוהל פאר די
לעצטע 20 יאהר, לאזט וויסען דאס פוב־
ליקום, אז ער האט געמופט פון 263 פא־
ראנסווארטה צו 140 מערבערי קארנער
בראש. טעל. מארקעט 827.


ווילט איהר
סייווען
30 פראצ.?
ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוו
ראגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעם
וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. מעלראוז 4985

קאפלאנ׳ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
ענגי איהר קויפען אלעם פון די פאי־
נענדע ליינס:
זאמיפייט דרעס גודס ריין פון סילקס
יארנס און קאטין גודס. פערשיעדענע
פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, פייר
טענס; טייבעל קאווערס, שעמס או
נהאפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פען
אנדערוועהר און קארסעטס. מענס
פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענע
פאר מענער און ווייס סוטס און קאוטס
א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס
מייקערס טרימינגס.

יעדער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין איסט האי סטריט 248
טעלעפאן מעין 4420.

דזשולערי סייל
אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און
גאלד געפילטע
זייגערס
מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.
רינגען
גאלדענע בראוטשעס מיט אמתע זעמיאנ. ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף
אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע
קדושין רינגלאך
גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען
The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויטער.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל איינענטהימער
ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר
ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר
ווידער ניי מאכען.
פריימס, בארעס, עקסעלס, פענ־
דערס ווערען אויסגעגלייכט.
געוועלדעט, געמאכט ווי נייע
און גיענעמעלד.
רעדאייטארס פעריכט און אבערגעבילד,
און עקסטשעדזשעט
Michigan Radiator & Fender Repair Co.
723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 776

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשוי סיגעל און באשי
איינענטהימער
1237 הייסטינגס סט.

VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef Tongues, etc.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO
אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשוי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר
אלערליי באלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

צוויי מאל איז שטארקער

ס׳איז שוין אפיציעל באשטעטיגט גע־ווארען, אז אדמיראל קאלטשאק איז ער־מארדעט געווארען.

ארימער מענש! ווענינ פאר איהם, וואס מ׳האט איהם אונאפיציעל דער׳הרג׳עט, האט מען איהם נאך איצט אפיציעל אויך דער׳הרג׳עט!

ס׳איז שרעקליך!

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס
פורנישינג, העטס, יאנג מענס
און בויס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע
סיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין. פראפ.

פארלאנגט אגענטען סוב־
סקרייבער פאר׳ן „וועג". ליבע־
ראלע קאמישאנס געצאלט.
קענען מאכען 100 דאלאר א
וואך. פרעגט אין אפיס פון „וועג".

קוואסעלאוו און קאטליער׳ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס
פורנישינגס, נאָטי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472, מעלראוז 3595 דאבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט אש און גאר־בעדזש, סעמענט רעספעטיקעלס, ווייל פון 1־טען מארטש ווערט די פרייז געהע־כערט
ווארט ניט ביז די באארד און העלט וועט אייך באדערען.

JUDGE GAINEY


HAVANA
CIGARS
NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 1170

איר קענט שיקען געלט
אין פוילען
דורך דער
Bank of Detroit
א. זיגלער מענעדזשער
הייסטינגס סטריט ברענטש.

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דיימאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners.
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

קלאדינג און דזשענטס פארני־שינג סטאר, גוט איינגעריכטעטער סטאר, צו פארקויפען אין אן ארבייטער געגענד. זיכער א לעבען צו מאכען, אורזאכע — פארלאזען דאס לאנד, ביי־לינ רענט. פרעגט נאך 1693 ראסעל סטריט, ס. סינעמאן. 21)

צוויי סטאר פריים בילדינג צו פארקויפען; 2 סטארס און 2 פלעטס אויבען; גוטער געגענד פאר ליידיס און דזשענטס פארנישינג; קענפיעלד עווע; איסט; פרעגט; מעין 1025 14

לענדלארדס איפמערקזאם! מיר פארלאנגען הייזער צו פארקויפען אדער ליסען. מיר שטעלען צופריעדען. רופט טשערי 8054, 481 ענטווין סטריט.
הערריס און לואיס
ריעל עסטייט עקסטשיינדש

צו פארקויפען א צוויי פעמיליע פלעט אויף 1055 וועסט ווארען. א דאקטאר׳ס אפיס, איין בייסמענט; 4 קארנאראדוס, פרעגט, דזשוי קליימאן, 1066 וועסט ווארען, טעל. וואלנאט 4365 וו. 14

צו פארקויפען א גוט עטאבלירטער דזשאנק יארד: קאנטראקטען מיט פעקטארים. די אורזאכע: פאהר ארויס אין קאליפארניא, פרעגט מארים הערמאן, 56 בענטאן סטריט 14

צו פארקויפען צוויי סטארס און דריי פלעטס; קארנער. אויף אלעקזאנדרין איסט. פרייז: $10,500 איינצאהלען $4,000. רענט $115 א מאנאט, ליס, פרעגט, ל. וויליאמס, 315 קעמעראן 14

לענדלארדס איפמערקזאם! פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, ליסען, אדער רענטען פאר ווייסע און ניגראס, הארים און לואיס, 481 אנטווין סט., טעל. טשערי 8054 19)

שעכטער׳ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט
די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער, ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קלינג׳ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגנאיבער עהרליך׳ס דזשולערי סטאר.

ווארע ביליג פאר סטאר-קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קורטענס, פענסי דריגודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת׳ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

אינטעליגענטע

דראמא פון י. ל. מאלאמוט

...אג צייט האט רבקה'לע אין גאס ... ווי א טהיר אין א דערבייאינער... האט זיך געעפענט. און עס איז ... גאנגען א מאן, ביי דער האנד ... געפיהרט א מיידעלע, און האט ... נאכט און גערופען דאס „קעצעלע ... קיצע, מיאו!

...האט איז א קעצעלע, מיאו! ...ע קינדערשע אויגעלעך זיינען ...טען געווארען מיט טרעהרען, דאס ... האט געשלעפט א קליין ווענג... צוויי רעדלעך.

...קאץ איז דורכגעגאנגען און האט ...געשטעלט לעבען דער שכנה, זיך ... אין איהר פארטוך.

...ה'לע האט אין מיטען ווינגען פער... שפיץ פינגערל אין מויל, דאס ...טע הערצעל האט אזוי שטארק ...וועלען דאס אנדערע מיידעלע און ... געוויינט אהן א שיעור.

...אזוי גיך, ווי די קאץ איז א דער... אנטלאפען פון צימער מיט אין ... האט רבקה'לע מיט אמאל זיך ... צושריען.

...האט זיך פארגעסען אז די שכנה ... איהר אנגעשריען און איז ...לאפען מיט אן איטפעט צו דער ...ווי האט איהר דערצעהלט.

...איך האב געזעהן א מיידעלע אין ...ט א ווענעלע.

... יענע מיידעל האט א פאפא! — ... שכנה איהר געענטפערט און האט ...ליין ניט געפיהלט וואס פאר א ... וואונד זי ריהרט אן אין קינדערס ...

...וואו איז מיין פאפא! — האט ...נר נאאיוו א פרעג געטאן און האט ...טעלט אויף איהר איהרע פערטרוי... בליקען.

...איך ווייס ניט, פרעג ביי דער מא...

...זי איז געזעסען און געווארט ביז ...מע איז געקומען פון דער ארבייט, ... האט זי די מוטער פארווארפען: ...

... — וואו איז מיין וואפא? — האט זי פא...

מיטאמאל א פרעג געגעבען, בעת די מוטער איז געזעסען און האט זי געהאר־וועט.

— ער איז דא, — האט די מוטער אומצופרידען א זאג געגעבען, בכדי זיך אפצוטשעפען פון איהר.

— פאר וואס זשע קומט ניט דער פאפא? — האט דאס קינד ניט אויפגעהערט צו טענה'ן.

— אלע קינדער האבען פאפאס און ער גיט זיי ווענעלעך און שפיעלט זיך מיט זיי, נאר איך האב ניט מיין פאפא!

אידא איז געזעסען און עס האט פון איהר געטריפט דאס בלוט.

דאס קינד האט זיך צעוויינט.

— איך וויל א פאפא, וויל איך! נעהם מיך צו פאפא.

אויף מארגען האט אידא, ווען זי איז געקומען פון דער ארבייט איהר געקויפט א ווענעלע.

דאס קינד האט זיך שטארק געפרעהט מיט דעם ווענעלע.

— יעצט קום צו פאפא, איך וויל זעהען פאפא! — האט זי גענומען פאר'ן הענטעל און זי געצויגען צו דער טיר.

און פון יענעם טאג אן האט רבקה'לע איהם ניט געגעבען קיין רוהע.

— ווען זשע וועל איך שוין האבען א פאפא? — האט זי איהר יעדעס מאל אויפ'ס ניי איבערגעפרעגט און בעת זי האט געשטעלט די דאזיגע פראגע האט זי אזוי מירא'דיג געקוקט אויף דער מוטער.

איינמאל בעת דאס קינד איז געזעסען און האט ניט אויפגעהערט צו וויינען איז הורוויץ אנגעקומען.

— ריוועל, וואס וויינסטו, — האט ער זי ארויפגעכאפט אויף די הענט און האט איהר אויסגעווישט די אויגעלעך און האט זי אנגעהויבען פארשפיעלען.

דאס קינד האט זיך צו איהר צוגעטוליעט. האט איהם לאנג אריינגעקוקט אין די אויגען.

— און דא וועסט זיצען דא מיט מיר א'ע טאג — האט דאס קינד ווייטער גע־פרעגט — ...עסט זיין אלע טאג מיין פאר...

* ער האט באמערקט ווי אידא איז גע־שטאנען אנטקעגען איהם און האט אויס־געזעהן אזוי צוטראגען. האט אלע מינוט געווארפען אן אומעטיגען בליק דא אויף איהם און ... אויפ'ן קינד.

— יעצט ווען אידא זאל נאר צושטי־מען, וואלט נאך געווען צייט! — האט ע...טראכט — דאס קינד וואלט צוגע־וואוינט געווארען צו דעם געדאנק אז איך בין פאפא — האט ער ווייטער געטראכט און שטיל איז ער צוגעגאנגען צו איהר, האט אנגענומען איהר האנט.

— אידא, האסט געהערט?

זי האט געשוויגען.

— אידא עס איז נאך ניט שפעט, אידא!

— הורוויץ! — האט זי אומגע־דרעהט צו איהם דעם פנים און האט איהם ארייגעקוקט אין געזיכט אריין, זי איז אין דעם דאזיגען מאמענט געווען זעהר פררצווייפעלט.

— עס איז ניטא וואס צו פארצווייפ־לען — האט ער געענטפערט — מיר דאר־פען זיך אלע, דאס קינד נויטיגט זיך אין אפאטער! — האט ער שטיל גערעדט.— דו דארפסט מיך, פונקט אזוי ווי... ווי איך דארף דיך.

זיהאט נאר ניט געענטפערט האט זיך בלויז אומגעדרעהט צום קינד האט אויסגעשטרעקט איהרע ארעמס, נאר רבקה'לע האט זיך געהאנגעלט מיט איהר — איך וועל זיצען ביי הורוויץ'ן, ביי מיין פאפא!

זי האט זיך געפיהלט באזיעגט, א וויינענדע האט זי זיך הורוויץ'ן געווא־רפען אויפ'ן האלז.

— באזיעגט! — האט זי שטיל גע־מורמעלט.

— דאס קינד מיט איהרע טראגישע קינדערשע האנדלונגען האט מיך באזיעגט.

ער האט געהאלטען דאס קינד מיט איין האנט און מיט דער צווייטער האט ער ארומגענומען אידאס קאפ און האט צארט געלאשטשעט איהרע האר.

— נון זיי זשע רוהיג, טייערע, יעצט וועט אלעס ווערען גוט.

— פארשטעה — האט אידא ווייטער גערעדט — איך האב דיך געליעבט, שטארק געליעבט. אבער איך האב גע־מיינט א טובה פאר דעם קינד. איך האב ניט געוואלט, זי זאל האבען א שטיעף־טאטען, פארשטעהסט? נאר ווען זי האט

זיך צו דיר געווענדעט נאך הילפע, האב איך דאס לענגער ניט געקענט פארטרא־גען, אויך זי האט דיך ליעב. געדענק זשע, באדעכען גוט, וואס דו טוסט היינט!

ער האט זי מעהר ניט געלאזט רע־דען.

— דו קענסט מיך און זיי רוהיג! — איך דארף דיר מעהר ניט ערקלערען, וואס איך פיהל צו דיר. דו וועסט זעהן ווי שעהן דאס לעבען וועט יעצט ביי אונז ווערען.

דאס קינד איז געווען אזוי גליקליך, ווען זי האט באמערקט ווי הורוויץ און אידאס ליפען האבען זיך אנגעטראפען און זענען צוגעשלאסען געווארען מיט א לאנגען קוש. זי האט צוגעפלעסקעט מיט איהרע הענטלעך, איהרע אוי־געלעך האבען געשטראהלט און דערנאך האט זי אויסגעשטרעקט ביידע הענט־לעך און האט זיי ביידען ארומגעכאפט און האט זיך שטארק צוגעדריקט צו זיי.

יענע נאכט האט רבקה'לע געשלא־פען אזוי רוהיג און גליקליך ווי נאך קיינ־מאל ביז יעצט. הורוויץ איז געזעסען און האט פאר אידאן געוועבט דעם פא־רעם פאר דער צוקונפט.

— איך וועל דיר אנשרייבען אזא ליעד, וואס קיינער האט נאך ביז יעצט ניט אנגעשריבען! — האט ער גוי פאר־זיכ'ט געקו... אויף איהר מיט זיינע ...עיע פאעטישע אויגען.

און זי איז געזעסען, האט זיך פעסט געטוליעט צו איהם און מיט אוי־גען פול מיט ליעבע האט זי איהם אנגעזעהען.

— איך וועל דיר ליעבען ביז אין טויט אריין! — האט זי געמירמעלט — איך וויל דיר געבען אלעס וואס וועט נאר מעגליך זיין און דו גיב מיר כאטש א טראפען גליק.

זי האט אויסגעבראכען אין א גע־וויין — איך בין דאך געווען אזוי אונ־גליקליך! איך האב דאך נאך גאר ניט געלעבט, דו ווייסט דאס!

— נו, שא וויין ניט מעהר! — האט ער זי בארוהיגט און מיט זיינע ליפען האט ער איהר אויסגעקושט די טרעה־רען.

— איך ווייס, איך ווייס דאס אלעס האט זיך בארוהיגט. ער איז געווען צו ... זיי זשע רוהיג און צופרידען, זי איהר צארט ווי צו א קליין קינד. א

גליקליכע איז זי איינגעשלאפען אין זיינע ארעמס. האט אזוי רוהיג געשלאפען און האט גע'חלומ'ט וועגען א גאלדענע צוקונפט.

גאנץ פריה האט א העלע ווארימע זון אריינגעשיינט אין איהר צימער, ווען זי האט זיך אויפגעכאפט איז הורוויץ געזעסען און האט זיך געשפיעלט מיט דעם קינד.

— זאל איך דיר שוין רופען אלע מאל פאפא? — האט דאס קינד איהם געפרעגט און האט בגנבה געכאפט א קוק אויף דער מוטער, און האט זיך זיס צע־לאכט.

— יא, רבקה'לע אלע מאל זאלסטו איהם רופען פאפא, און זאלסט זיין א גו־טע מיידעלע.

דאס קינד האט צופרידען געשאקעלט מיט דעם קאפ און איז צוגעפאלען צו יער מוטער און האט זי שטארק גע־קושט.

— וועסט מיך שוין ניט לאזען מעהר ביי דער שכנה? — האט רבקה'לע א פרעג געגעבען, זעהענדיג ווי די מוטער איילט זיך שוין מעהר ניט צו אנטלויפען. ווי זי טוט דאס אלע מאל, אידא האט געשמייכעלט.

גיין, ניט מעהר, קינד מיינס! — האט הורוויץ רבקה'לען בארוהיגט.

— מאמא וועט מיט דיר זיצען אין דער היים, וועסט מיט איהר געהן שפא־צירען.

— און דו?

— איך וועל אויך געהן!

דעם שדכן'ס הויז *

בערל לא יוצלח, דער שדכן, פלעגט זיך געבעך געגוג אנהארעווען צוגויף פיה־רען א שידוך און נאכדעם פלעגט פון דעם גארנישט ווערען. איינמאל האט מען איהם געפרעגט: „צו וואס טויג אייך ר' בעריל, זיך אזוי איינהארעווען, אז לסוף ווערט פון דעם גארנישט?"

„איך האב שוין דוקא יא", האט ר' בעריל געענטפערט „פון יעדען ניט אויס־געפיהרטען שידוך בלייבט מיר א גאנצע הויז, א פראפערטי. אט ווי אזוי: פריה־ער קריג איך די פלאין ביז איך בעקום די פאארע. דערנאך פיהר איך צונויף א וואנד מיט א וואנד. און עס לאזט זיך אויס א בוידים".

ציון־קאמאנוועלטה

א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אויסקויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש־ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער צוניסטישער לאנד־אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אידען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגנהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארבייט.

א גרויסע געלעגנהייט, וועלכע קיין איד זאל ניט פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט גערן געבען אלע אויסקינפטע. זיך ווענדען האטעל פאר־שעלבי.

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
רזשאדזש רזשוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברוידי
בערנארד א. ראזענבלאט

ציון קאמאנוועלטה, 66 — 5טע עוועניו, ניו יארק.

יוזט פאלם־אלא

פאר'ן מאגען א רפואה פאר'ן פאקעט א ישועה

פאלם־אלא איז א נייער סארט פוטער, וועלכער איז געמאכט פון קאקאנאטס און פינאטס אויל, און אנדערע נאטור רייכע ווערזשעטייבעלס און קען געניסט ווערען אין יעדען אידישען הויז. עס איז געמאכט אונטער די ווי־סענשאפטליכע מעטהאדען און סאניטארע קאנדישאנס און קומט געפאקט אין דאסט־פרוף סאניטארע באקסעס.

פאלם־אלא איז אויסגעצייכענט גוט צום פרייען, באקען און שמירען אויף ברויט. ניט אייערע קינדער פיעל פאלם־אלא. עס וועט זיי פיעל גו־טעס טהאן און עס איז פיעל ביליגער ווי די אלד פעשאנד פוטער.

פאלם־אלא איז מיט זיין נאטירליכע רייכקייט און געשמאקקייט פשוט טעם גן עדן, און ווער עס טרייעט דאס צו יוזען איין מאהל קען שוין קיין אנדער פוטער קיין מאהל ניט יוזען.

פאלם־אלא איז א סארט פוטער וועלכעס ווערט געשלאגען אין דעט־ראיט ביי דער פאמאוסטער „שעד קרימערי". אייער גראסערי מאן קריגט א פרישען טופלאי יעדען טאג.

גלייך פון דער פוטער פאס

צו אייך

געמאכט פריש יעדען טאג

אין דעטראיט

לעזט דעם הכשר:

הנני להעיד כי החמאה הנקראת Palm-Ola של The Shedd Creamery כשר לאכול ...

עס איז פאר אייער בענעפיט איהרניט קיין טראבעל. אהר דארפט ניט ווע־ זאלט פארקויפען דיזען פוטער. עס וועט:ען איהר דערלאנגט א פעקעדזש צום פארגרעסערען אייער טרייד. איהר האט קאסטימער און דאס אלעס.

גראסערי לייטע

פאלם־אלא איז כשר בהכשר ובהשגחה פון הרב הגאון ר' יוסף תאומים דפה

S. J. Barrush

West 1407

שרייבט אדער טעלעפאנירט צום האלסיילער פון פאלם־אלא

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.
מאנטאג, 15טער מארטש, 1920

דער טעות פון דער קירכע

די קירכע האט א טעות געהאט אין חשבון.

גערעכט האט מען זיך, אז נאך דער מלחמה וועט די וועלט פרימער ווערען; מען האט געדענקט אז נאך דער „פוטשערדיי" זאל דער עולם וועצען אין אוים'חזר'ן פסאלמען און די ביבעל אויף אויסווענינג; זאל זיך מצער זיין אויף די באגאנגענע זינד און זאל קייען — ווי מען זאגט — מילך; די קריסטליכע קירכע איז ארויס די זיגערין. און פיעלע קריסטליכע לעהרער האט מען זיך אפער אזוי אנגע'שיכור' מיט דעם זיעג, אז מ'האט פארגעסען ווי צו דאנקען און צו לויבען דעם „ערלעזער" פאר די גרויסע חסדים.

די קירכע האט א טעות געהאט.

דער עולם איז זינדיגער געווארען.

די אנפיהרער פון די פארשיעדענע קריסטליכע אמונות טוען אלעס וואס זיי קענען אום צו שלעפען די „צאן קדשים" אין די קלויסטערס אריין; זיי באמיהען זיך מיט אלע מעגליכקייטען אפצוהאלטען דעם עולם פון זינד; מען האט דעם ביטערען טראפען פון עולם'ס מויל ארויסגעריסען; מען האט פאר איהם אלע סאלונס און ביערהאלער פארשלאסען אויף זיבען שלעסער; און יעדער שטאדט און שטעדטעל באקעמפט מען די שאנד הייזער און וויסע שקלאפעריי — מיט איין ווארט: מען מיהעט זיך, מען ארבייט מעשים אום צו באקעהרען די קריסטען צום — קריסטענטום, און עס העלפט נישט.

עס העלפט אפילו נישט דער זיעג וואס די קריסטליכע רעליגיע האט געהאט איבער דער מאטעריאליזם. עס העלפט אפילו נישט וואס שיער נישט האט א טייל פון דער קריסטליכער וועלט אן אפענע קריעג דערקלעהרט דער אלטער אידישער רעליגיע און זי אין בלוט און אין אייטער געטרונקען און גע'טובל'ט — עס העלפט נישט! דער קריסט וויל קריסטליך נישט ווערען.

אין די מלחמה האט עס נאך ערגער געמאכט: —

אלע צוימען זיינען אראפגעריסען געווארען.

אלע ליידענשאפטען — פרייגעלאזט.

אלע נייגונגען — הפקר און ערלויבט געמאכט.

פון וואנען ושע זאל זיך פלוצים די פרומקייט באווייזען?

איינ מען האט געמאכט שעכטען, רויבען, פארגוואלטיגען, חרוב מאכען און אומפרענגען אהן א פארוואס — טא, ווארום ושע זאל דערהעלפער שעכטער, רויבער, פארגוואלטיגער און הורג-ברענגער פלוצים איינצוימען איצטער זייערע ליידענשאפטען?

שיין ושע איז ער דען דערמיט וואס ער האט געטראגען סאלדאטסקען אוניפארם געווען, אדער געווארען אנדערש, איידער איצט ווען ער טראגט ציווילע קליידער?

און אויב דעמאלט האט ער געטאן כל ערליי פסלנות און כל ערליי רציחות נישט וויסענדיג אליין דעם טעם און די אורזאכע, און נישט וויסענדיג וועמען האט פרענגט נוצען, מעג ער דאך איצט, ווען ער באגעהט דיזעלבע רציחות צוליעב זיין אייגענער נוצען, אודאי איבער'חזר'ן זיינע סאלדאטסקי מעשים.

אזוי אפנים לערנען דיזע פארברעכער דעם פשט.

און זיינען דיזע פארברעכער נישט קיין געוועזענע סאלדאטען, ווייסען זיי דאך אבער, וואס זייערע פריינד, און חברים, און באקאנטע, וועלכע זיינען געווען סאלדאטען, וואס זיי האבען געטאן אין דער צייט פון זייער מיליטער-דיענסט.

און נאך עפעס ווייסען זיי:

זיי ווייסען אז זייער רעליגיע, וואס האט מכלומרשט דעם צוועק צו פרעדיגען אונטערצישטעלען די באק צום שלעגער און וועלכע איז די אזוי גערוהמטע רעליגיע פון ליעבע, האט אנשטאט ליעבע געפרעדיגט האס; אנשטאט זיך ביקען צו זייער גאט פון פריעדען, האבען זיי זיך געביקט צום גאט פון קריעג.

זייט פינף און צוואנציג יאהר בסדר טינקט זיך די קריסטליכע רעליגיע אין שנאה און אין האס.

פריהער צו דער און נאכדעם צו אן אנדער נאציע, און צום סוף זיך ווידער אומגעקעהרט מיט בלוטדורשט צום אלטען, פארהאסטען אידישען פאלק.

און עס גליקט זיי.

עס וועט קיינער נישט זאגען, אז די קריסטליכע אוקראינצעס, קאטוילישע פאלאקען זיינען נישט מצליח אין זייער „מלחמה" מיט דעם אידישען פאלק.

„מלחמה" — אין געזונטפיסלעך אייגנעשלאסען, ווייל דאס איז דאך אייגענטליך קיין מלחמה נישט. מיט אן אומבאוואפענטע פיהרט מען קיין קריעג נישט. דאס זיינען מאסען שחיטות. און אז א מאסען שחיטה וועט זיך אפילו דעניקין'ס רויבערישע און פאר'שיכור'טע מחנה אויסצייכנען.

אבער אין די נצחונות איז געלעגען די נידערלאגע פון דער קירכע.

ווען די וועלט און דאס צעפיילטע אייראפא האט געהערט פון די מאסען שחיטות אין אוקראינע און געשוויגען; ווען דאסזעלבע אייראפא הערט איצט פון די גזירות אויף אידען אין פוילען און שווייגט, גראבט זי אונטער איהר מאראל און טרייבט די קירכע פון איהן מפלה צו דער צווייטער מיט א צווילדעטער מחנה ראזבאיניקעס, מיט א באנדע פאגראמטשטשיקעס און כוליגאנעס קען מען זעהר פיעל אויפטאן און א אידישען ישוב; מען קען מיט אזעלכע מחנות באנדיטען און גזלנים אפווישען גאנצע אידישע ישובים פון דער אויבערפלעכע פון דער ערד. מען קען אבער נאכדעם די דאזיגע באנדיטען נים שלעפען אין קלויסטער אריין.

מען קען אויך נישט איינצוימען זייערע פרייגעלאזענע ליידענשאפטען. האט ער היינט געמארדעט אידען, און מארגען אז ער וועט קענען, וועט ער דערשטעכען זיין אייגענעם חבר.

עס קען זיך טאקע רעכטן האבען דער טאלאנטפאלער מאקסים גארקי ווען ער מאהלט אין זיינעם א ווערק א פאגראמשטשיק וואס האט רחמנות אויף א פייגעלע. אבער דערהעלפער בעל רחמנות וועט נישט רחמנות האבען אויף קיין מענשען.

אט האט די פרעסע דערצעהלט פון א פאל, אז א מערדער וועלכען מען האט געפיהרט צום „עלעקטריק טשער", האט זיך געהייסען ברענגען בלומען. און מיט א בלום אין לאץ האט מען איהם אויף דער טויטען-שטול געזעצט.

נו, איז בכן דער מערדער דען אזא סענטימענטאלע, עדעלע נשמה?

א פאגראמשטשיק, א מערדער מעג ער אפילו רחמנות האבען אויף א פייגעלע, האט שוין אפער נישט קיין געטליכען פונק אין הארצען. דיא שטארקע געגנער פון מיליטאריזם ווילען האבען, אז סאלדאטשינא טויטעט די נשמה. וואס ער טראגט מיט זיך, אז עס זאל אפטויטען זיין נשמה.

ושיקט מען נאך באוואפענטע רוצחים ארויס אויף א מאסע, און אומבאוואפענטער און מען צעטרעט און זייער הארץ יעדען מענשליכען געפיהל.

און עס ווערט די רציחה עפידעמיש.

און עס קנוילט זיך די וועלט אין זינד און פארברעכען.

און מען שפיט אויף מענשליכקייט, און מען פייפט אויף דער קירכע און מען לאזט די פרומע גלחים פרעדיגען פאר די ליידיגע בענק און אלטע מיידען.

און אט האט די קירכע איהר טעות דערזעהן.

און זי וויל איצט איהר טעות גוט מאכען.

וואס און ווי אזוי די קריסטליכע רעליגיאנען ווילען איצט זייער נשמה געפינען, וועגען דעם — מארגען.

דעטראיטער צייטונגען וועגען דעטראיטער ענינים

(ספּעציעל איבערזעצט פאר'ן „וועג")
פון ד. ראוויטש

ביידע זייטען פון דער מטבע

די „דעטראיט'ער ניוס" האט נעווידמעט אן עדיטאריעל נאטיץ דעם יקרות אין דעטראיט. איהר נאטיץ באלערענט זי מיט האזינען „קעפען" און גרייבט נאכדעם פאלגענדעס: —

פיעלע פון אונזערע פראטעסטען געגען דעם יקרות איז בארעכטיגט. מיר דארפען ניט קיין ספעציעלע אויספארשונגען, אום מיר זאלען וויסען, אז ביי היינטיגער צייט קומט אן שווער צו מאכען א לעבען. דאס איז א פאקט, וואס מיר ווייסען און פיהלען. אין דער געלבער צייט האט אבער דער יקרות-פאקט א צווייטע זייט, וועלכע מענשען, מיט א דאנישער „גראמבלינג" קראנקהייט, ווילען בשום אופן ניט זעהן.

דאס דרייצעהן-דאלארדיגע העמד איז פארהאנדען, אבער נאך ניט ביידע זייטען פון דער מטבע. פאר דעם יחיד, וועלכער איז בטבע טענה'ט אורטיילען א גאנצע וועלט, זיין באגרענצטער אבאבאכטונגס-קראפט, איז גענוג אז דער $13 „טעג" אויפ'ן העמד זאל איהם ווייזען די גאנצע טרויעריגע סיטואציע.

מיר דארפען אבער ניט פארגעסען, אז די טעג פון ביליגע לעבענס-מיטלען זיינען אויך ניט געווען קיין טעג פון גרויזען ווערשיין און גליק. עס איז א פאקט, אז טראץ דעם יקרות טראגען היינט פיליכט מעהר מענשען זיידענע העמדער, ווי א מאל. ווען אלערלייא אין געניי. שפאטביליג, און פארגליך מיט די היינטיגע פרייזען.

עס איז א פאקט, אז קיין מאל פריהער איז נאך ניט געווען אזוי גינסטיג די צייט פאר איינעם אפצולעגען א פאר דאלאר אז דער זייט, ווי יעצט. אלץ וואס עס פארדינט זיך, איז אביסעל מעהר ...

העברעאיש אין ירושלים'ער שטאט-ראט

די לאגע פון די אידען אין טערקיי

א סך הכל פון דעם באריכט צו דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, פון רבי א. טייטעלבוים
(ספּעציעל פאר'ן „וועג")

די אידען אין קאנסטאנטינאפאל

יתומים אין אנאטאליען

הילפס-מיטעל

... און אנדערע אפיציעלע פאפירען זיינען געדרוקט אין העברעאיש.

סטאראווערציעס ווילען מגיר זיין

אין ירושלים איז אנגעקומען ... אז א גרופע סטאראוויערציעס ... אפצופאהרען קיין ארץ ישראל ... דארט מגיר צו זיין. זיי פארקויפען ... זאב און גוטס מיט דער כונה צו ... באדען אין ארץ ישראל און ... באזונדערע קאלאניע. זיי פרעגע ... איז דאס דער אידישער אריבי... (העכסטער גייסטליכער) אין ארץ ... זיי מגיר צו זיין?

די „אחוה" ווערקשטאטען ... ירושלים

די ציוניסטישע פרויען פער... אין ענגלאנד, האט ערהאלטען א ... וועגען די טעטיגקייטען פון די ... ווערקשטאטען אין ירושלים פאר ... פון'ם לעצטען יאהר.

דר. אידער, א מיטגליעד ... הצירים, איז פארזיצענדער פון ... וועלכע געזעלשאפט שטרעבט צו ... ארבייט פאר פרויען אין ירושלים ... דער פאר יתומים-שפיטאלען און ... אנשטאלטען ... אויך העלפען ... אין מענאטארישען געביעט.

אין משך פון'ם לעצטען יאהר ... „אחוה" צוגעגרייט פאר דער ... איבער 95.000 העמדלעך, קליידע... וו.

פאר די יתומים הייזער — ... קליידער, מיט א ריוח פון 300 פו... נאהענט צו 200 פונט.

שוכווארג און זאכען — מיט א ...

סאוועטען-רוסלאנד געזעהן פון אן אמעריקאנער קארעספאנדענט

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

אין דער זונטאגדיגער „דעטראיט פרי פרעס" שרייבט איהר קארעספאנדענט לינקאלן עיר פון פאריז וועגען די מיליטע-רישע און סאציאלע אויפטוהונגען פון דער סאוועטען רוסלאנד. דאס בילד, וואס ער שילדערט איז אזוי ווייט פון דעם, וואס מ'איז ביז איצט געוואוינט געווען צו לעזען אין דער טעגליכער ענגלישער פרעס, דאס ס'איז אינטערעסאנט איבער-צוגעבן דעם אידישען לעזער לינקאלן עיר'ס מיינונג.

די קארעספאנדענץ לעזט זיך ווי פאלגט:

פאריז, מארטש 6. — איינעם פון די פיעל רוסישע פאראדאקסען געפינט מען אין די מיליטערישע אויפטוהונגען פון די סאוועטען. באטש זייערע רעגירער זע-נען אלע פחדנות'דיגע אנטי מיליטאריס-טען, פונדעסטוועגען האבען זיי אין'ם משך פון די לעצטע 18 מאנאטען ארגא-ניזירט אן ארמיי פון 3 מיליאן סאלדא-טען, און האבען זי געשפייזט, געקליידעט באוואפענט און באזארגט מיט אמוניציע אין דער צייט וואס זיי האבען בוכשטעב-ליך אנגעפיהרט א לעבענס-קאמף געגען רע מאיעסטעטישען און אינערליכען שונא. וואס די רויטע ארמיי האט אויפגעטאן אין די לעצטע 4-5 חדשים איז אלעמען באוואוסט. האלטענדיג זיך נאך אויף דיא איינענע אפגעשוואכטע כחות, האבען טראצקי'ס פראלעטארישע לעגיאנערען צו-ריקגעשטויסען און ענדליך פארניכטעט א לאנגע רייה פון שונאים, וועמען די אליי-אירטע האבען פרייגעביג געשטיצט מיט וואפען, אמוניציע און געלט.

די רויטע ארמיי איז, נאך מיין מיי-נונג, היינט-צוטאג דער שטארקסטער מי-ליטערישער ארגאניזם.

די נצחונות פון דער רויטער ארמיי איבער קאלטשאק'ן, יודעניטש'ן און דעניקי'ן זענען זעלבסט פאראדאקסאל, אויף אזוי פיעל, ווי זיי פארגרעסערן רוסלאנדס נויט צו מאכען שלום. מיט יעדען נייעם זיעג ווערען די כחות פון דער ארמיי פאר-שטארקט דורך דאס אנקומען אין די רויטע רייהען פון רעבעלירענדע מחנות און ווייסע דעזערטירען. פאלגליך ווערט אויך גרעסער די אנשטרענגונג פון דעם אינ-דוסטריעלען און טראנספארטאציאנס גע-ביי. יעדער ווייטערדיגער מארש אין סי-ביר און אין קרים, טראגט אוועק דיא פראנט-ליניע ווייטער פון באזיס, און דאס מאכט שווערער דאס צושטעלען פון אמו-ניציע און שפייז. דארום ווערט עס אלץ קלעהרער, דאס רוסלאנד מוז האבען שלום כדי צו פארמיידען אן עקאנאמישען חורבן

און דאך — א צווייטער פאראדאקס — פיהלען אלע, דאס אירגענד וועלכער שלום צווישען די סאוועטען און די רע-גירונגען פון דער בורזשואזיע און דעמא-קראטיען איז מעהר ניט ווי א קורצער וואפענשטילשטאנד, ווייל סאציאליזם און קאפיטאליזם קענען ניט לעבען איינער לע-בען צווייטען און איינער מוז דעם צוויי-טען אונטערדריקען דורך מלחמה.

דער רויטער טעראר, פארזיכערען די סאוועטען-פיהרער, האט זיין אויפגאבע ערפילט. דאס הינטערטען פון אנטי באל-שעוויסטישע פארשווערער, וועט מעהר ניט פארקומען, סיידען די עלייס וועלען עפעס אנפאנגען אין דער ריכטונג פון קאנספיראציעס. די באלשעוויקעס זאגען צו, דאס טויט-שטראף, וועלכען זיי האבען שוין פון לאנג אן געוואלט מבטל מא-כען, וועט קיינמאל ניט פארקומען, אויב נאר דאס רוסישע פאלק וועט ווערען אי-בערגעלאזט צו זיך אליין.

„טעראר" וואלט געווען געווען א צו שטארקעס ווארט צו באנוצען זיך מיט איהם אינ'ם באשרייבען דאס באהאנדלען פון די סאוועטען פון זייערע געגנער. איך האב געהאט מעהר פון איינעם דירעקטען באווייז, דאס די באלשעוויקעס האבען געהאנדעלט מיט פארהעלטניסמעסיגער רחמנות. ווי הויך דער טעראר איז גע-ווען מיט זעקס מאנאטען, אדער מיט א יאהר צוריק, קען איך ניט זאגען. ס'איז אבער אן אבסורד צו רעכענען, דאס מ'קען רעכענען דעם אמת וועגען די באלשעוויס-טישע ברוטאליטעטען, ווען מ'נעהמט אין אכט, דאס די געשיכטע איז אפילו איצט ניט ביכולת צו באשטימען, מיט א גענוי-ער מאס פון ריכטיגקייט, דעם סך הכל פון די קרבנות פון דער פראנצויזישער רע-וואלוציע.

זיכער איז, אז א גרויסע צאהל פון מענשליכע לעבענס — און אפשר איז די צאהל זייערע ארום 10 טויזענד, באטש די באלשעוויקעס זאגען, אז די צאהל איז א פיעל קלענערע — איז קאלטבלוטיג אויסגע'הרג'עט געווארען (ד. ה. ניט אויפ'ן שלאכטפעלד, נאר דורך עקזעקו-ציע), זינט די סאוועטען האבען געכאפט די מאכט. זיכער איז אויך, דאס פיעלע זענען געמוטשעט געווארען, אבער אפילו פון מיינע געשפרעכען מיט „ווייסע רוס-ען" — פיעל פון זיי אויסגעשפראכענע אנהענגער פון צאר — קען איך ניט גלויבען, דאס ס'איז פארגעקומען אפילו א קליינער פראצענט פון די שרעקליכע און זינלאזע אכזריות'ן, מיט וועלכע די באל-שעוויקעס זענען באשולדיגט געווארען. ארום וואס איך האב קיין ספק ניט צו מא-כען דיעזע באהויפטונג, וועט ווערען קלאהר פון איינעם פון מיינע שפעטערדי-גע ארטיקלען, וועלכער וועט באהאנדלען טיעפער די פראגע פון סאוועטען-טערא-ריזם.

אויסער זייערע מיליטערישע און די-פלאמאטישע אונטערנעהמונגען, פיהרען די באלשעוויקעס אן צוויי לעבענס וויכטי-גע ארבייטען. איינע געגען קראנקהייט און די צווייטע געגען אונוויסענהייט. איי-נער פון זייערע רעדנער, האט לעצטענס אויס-געשריען: „דער סאציאליזם מוז אויס-הרג'ענען די לויז, אדער די לויז וועט הרג'ענען דעם סאציאליזם." געמיינט האט ער די געפאהר פון דעם פארשפריי-טען זיך פון טיפוס דורך דער קערפער-לויז. טיפוס-עפידעמיעס בושעווען אונגע-שטערט אין אורא, אין סיביר און אין דרום-אוקראינע.

די ערגסטע פון דיעזע עפידעמיעס האט די רויטע ארמיי באקומען אלס ירושה פון קאלטשאק'ס און דעניקינ'ס מחנות. זיי, דיעזע עפידעמיעס, רוקען זיך בהדרגה'דיג צום מערב, דראהענדיג צענ-טראל רוסלאנד, מאסקווא און פעטרא-גראד. וואלט געווען דער גיטיגער זאפאס פון מעדיקאמענטען און גענוג דאקטוירים, וועלכע געפינען זיך איצט דאס רוב מיט דער רויטער ארמיי — וואלט געווען מעג-ליך שנעל צו קאנטראלירען די קראנק-הייט, אזוי פארזיכערען די מעדיצינישע אטאריטעטען. ווי ס'איז אבער איצט, איז אלץ וואס ס'קען געטאן ווערען, איז איינ-צופיהרען די מעגליכסט שטרענגסטע קאר-ראנטין.

אין באקעמפען זייער צווייטען שונא, די אונוויסענהייט, ווייזען זיך די באלשע-וויקעס ארויס אין זייער בעסטעס. זייער בילדונגס פראגראם איז גרויסארטיג. אנ-אלפאבעטיזם — דאס ניט קענען לעזען און שרייבען — ווערט באקעמפט מיט אן ערשטוינענדער שנעלקייט, הויפטזעכ-ליך דורך א בילדונגס סיסטעם, וואס איז איינגעריכטעט געווארען אין דער רויטער ארמיי. צוואנגס-בילדונג איז איינגעפיהרט פאר אלע קינדער אין די יאהרען פון 8 ביז 16. און ניט נאר ווערען זיי אלע גע-לערנט, נאר באקומען אויך שפייז, קליי-דער, און א היים אויף דעם חשבון פון שטאט.

אונטער'ן צאר זענען געווען 7 אוני-ווערזיטעטען; היינט-צוטאג זענען דא 17. זייער פעטראגראד האט געהאט א באפעלקערונג פון 2 מיליאן האבען 30 פראצענט אדער 300,000 פון איהר ניט געקענט לעזען און שרייבען. היינט זענען דא נאר 60,000 אזעלכע פון איבער א מיליאן'דיגע באפעלקערונג.

אין פארלויף פון דער רעוואלוציע, האט דאס לערנען פון קונסט און וויסענ-שאפט באקומען א באדייטענדען שטויס פאראויס, איבערהויפט, שטעהט די דרא-מאטישע קונסט דארט אויף אן אויסער-געוועהנליך הויכער מדרגה. אין איין וואך פון מיין זיין אין מאסקווא, האט מען גע-שפיעלט שעקספיר'ן אין 10 פארשיידע-נע טעאטערן.

אין „דער סאציאליסטישער פעדעראטיווער רעפובליק פון סאוועטען פון רוס-לאנד" — אזוי רופט זיך אפיציעל אן דאס באלשעוויסטישע לאנד — איז זייע-נען פינאנצן נאך ניט רעגולירט. די סבה איז אן איינפאכע. אין דער היינט-צוטאגי-גער רוסלאנד עקזיסטירט ניט קיין פי-נאנץ אין דעם אמעריקאנישען אדער איי-ראפעאישען זין, די סאוועטען רעגירונג צאהלט די רוסישע בירגער אין פאפיער-געלט, וועלכעס זי דרוקט אפ אין אן אינ-באגרעניצטער צאהל.

זענענדיג ענטשלאסען ענדליך, בטל צו מאכען געלט און גאנצען לטובת דעם קאר-מיניסטערישען איבערטויש פון פראדוקטען, זענען די סאוויעט פיהרער נאך ניט באר-ראנט וועגען פאלען פון זייערע ווערט-פאפירען. זיי האבען ארום א ביליאן רובל אין גאלד — די ריכטיגע צאהל ווערט גע-האלטען בסוד — מיט וואס צו צאהלען פאר פרעמדע אימפארטען. ביז זיי וועלען קענען איינפיהרען א איבערטוישונגס-סיס-טעם מיט אויסלענדישע קאמערציעלע קריי-זען, פון קאפיטאליסטישען שטאנדפונקט זענען זייערע ביודזשעט איינגאבען באנ-קראט, אבער אין קאמוניסטישען בליק זע-נען זיי געזונט און לאגיש.

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה ניט צו זאגען „סינסינעטי מצה", נאר אויסדריקליך פארלאנגען

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

ניו-יארק אפיס:
1 יוניאן סקווער

די ב. מאנישעוויטץ קא.
סינסינעטי, אהייא

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State.
Detroit Office 255 Napoleon St.

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

פולער באריכט פון די זיצונגען פון דער אקציאנס-קאמיטעט קאנפערענץ אין לאנדאן

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
(פיערטע זיצונג)

די פיערטע זיצונג פון דער אקציאנס קאמיטעט קאנפערענץ עפענט זיך דאנער-שטאג דעם 12-טען פעברואר. מר. סא-קאלאוו באריכטעט, דאס ער האט נאר וואס טעלעגראפיש ערהאלטען פון דער ציוניסטישער פעדעראציע אין פאריז דעם אינהאלט פון פרעמיער מילעראנ'ס בריעף וועלכער לעזט זיך ווי פאלגט:

„איך האב גענומען אין אכט אייער בריעף פון 9-טען פעברואר, אין וועלכען איהר רעדט וועגען די פארלאנגע צו גרינדען א אידיש נאציאנאלע היים אין ארץ ישראל.

איהר דארפט ניט צווייפלען, און איך נעהם זיך דאס פארגניגען אייך צו פאר-זיכערען, דאס די פראנצויזישע רעגיע-רונג איז פאראינטערעסירט אין דער שא-פונג פון אזא נאציאנאלער היים אין דעם געבורטסלאנד פון א ראסע, וואס איז אזוי רייך באשאנקען מיט גייסט און לע-בענס קראפט ווי אייערע.

פראנקרייך איז גרייט צו שטיצען און העלפען דערגרייכען דיעזען ציעל, וואס שליסט איין די אכטונג פון די רעכטע און אינטערעסען פון דער באפעלקערונג, וועלכע איז אזוי פארשיידען אין רעלי-גיאן און ראסע און איז פון דער געשיכ-טע אזוי צוזאמענגעבראכט און אויסגע-מישט געווארען אין נאהענטען מזרח".

די אלגעמיינע דיסקוסיע ווערט פארט-געזעצט פון דר. קאצענעלענסאן, וועלכער ערקלעהרט, דאס נאכדעם, ווי ער האט אויסגעהערט וויצמאן'ס ערקלעהרונגען, איז ער געצוואונגען צופרידען, מיט דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער ארבייט. מר. יוסף קאוועו קריטיקירט די ציוניס-טישע פארערונגען. דר. דייכעס, רעדענ-דיג אלס פארשטעהער פון די ענגלישע ציוניסטען, זאגט דאס די לעצטע האבען געהאט די מעגליכקייט צו בעאבאכטען די גרויסע ערדייבונגען פון וויצמאן און סאקאלאוו, איבערהויפט וואס זיי הא-בען אויפגעטאן אין ענגלאנד. ער דריקט זיך שטארק אויס געגען די פריהערדיגע רעדנער, וועלכע האבען אטאקירט די פיהרער. ער באדאנקט די פיהרער אין נאמען פון די ענגלישע ציוניסטען, און זאגט, דאס די ערפאלגען פון וויצמאן און סאקאלאוו האבען, צום ערשטען מאל, געמאכט די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון לאנדאן פאר א וויכטיגע און שטאר-קע קערפערשאפט. מ. ציקורעל, רעדענ-דיג וועגען ציוניזם אין מצרים, ערקלעהרט דאס דער ציוניזם איז דארט שטארק גע-וואקסען פאר דער לעצטער צייט. די פי-נאנציעלע לאגע איז א גוטע, און עס זע-נען דא פיעלע מעגליכקייטען פאר גרוי-סע ארבייטען אין דער צוקונפט. דר. קלעע פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגא-ניזאציע אין דייטשלאנד, באשפרעכט די פאליטיק פון דער עקזעקוטיווע און ער-קלעהרט, דאס די דייטשע ציוניסטען שטי-צען דיעזע פאליטיק. די דייטשע ציוניס-טען ערקלעהרט ער ווייטער, טוען אלעס אין זייער מעגליכקייט צו העלפען, אין דער אויפבויאונג פון דער אידישער היים אין ארץ ישראל. ער גיט א קורצען אי-בערבליק איבער דעם פארשריט פון דער באוועגונג אין דייטשלאנד, דער ערפאלג-רייכער פראפאגאנדא צווישען דער יו-גענד, און דעם ציוניסטישען איינפלוס איבער דאס גאנצע דייטשע אידענטום. ער פארלאנגט דאס אזא פראפאגאנדא זאל אנגעפיהרט ווערען אין אלע אנדע-רע לענדער. דאס, זאגט ער, וועט באשא-פען א סימפאטישע אטמאספערע פאר'ן ציוניזם אין די אינטעלעקטועלע און איינ-פלוסרייכע קרייזען. מיר דארפען האבען די עפענטליכע מיינונג פון אלע לענדער אויף אונזער זייט, און אום דאס צו ער-רייכען, וואלט פיליכט נויטיג געווען צו עפענען ציוניסטישע אפיסעס אין פאר-שיעדענע לענדער, וועלכע זאלען, גלייכ-צייטיג אויפהאלטען און פארשפרייטען זייער איינפלוס אויף דער פרעסע און אויף די אידישע ארגאניזאציעס אין יע-נע לענדער.

דר. קלעע ענדיגט זיין פארטראג מיט פאלגענדען פארשלאג: אויסהערענדיג די ערקלעהרונגען פון וויצמאן און סאקא-לאוו, און קאנענדיג דעבאטירט איבער זיי, דריקט דער אקציאנס קאמיטעט אויס זיין פולען צוטרוי צו דער עקזעקוטיווע, איבערהויפט צו וויצמאנען און סאקא-לאווען, פאר זייער אפפערוויליגקייט און ערפאלגרייכער ארבייט, וועלכע זיי הא-בען דורכגעפיהרט פאר'ן ציוניסטישען אידעאל. און באפאלמעכטיגט דער עקזע-קוטיווע פארצוזעצען איהר ארבייט לויט איהר איצטיגער פאליטישער שטעלונג.

מר. מאצקין אנאליזירט די גאנצע אר-בייט פון דעם פארגאנגענעם יאהר און דריקט אויס זיין מיינונג, דאס די פא-ריזער ציוניסטען, ווי מאטמארעק און פישער, זיינען געווען געדעכט אין זייער אנצייגען אין פאראיס די טעטיגקייט-ליניע, וועלכע די פיהרער האבען געוואלט נאכפאלגען. ליידער אבער זיינען זיי אליין ניט געווען ביכולת צו באווייזען די ריכטיגקייט פון זייערע פאראויסגע-זאגטע פלענער, און האבען אויך ניט גע-זעהן וואס עס איז נויטיג פאר דער צו-גרייטונג פון די פארלאנגטע פאליטישע פארבינדונגען, און פאר דער שאפונג פון די פארלאנגטע פאליטישע קרעפטען. ווען מיר זאלען באטראכטען מיט מעהר אויפ-מערקזאמקייט וואס מיר האבען פאר-לאנגט, וואלט איך אליין געזאגט, אז עס איז געווען אונזער פליכט אויסצו-שטעלען אונזערע מאקסימום-פארלאנגען, ניט אכטענדיג צו מיר וועלען יעצט קריי-גען א פאזיטיווען רעזולטאט, ווייל אויב מען וועט פרעגען די פראגע: „האבען אונזערע פאליטישע ערפאלגען עס מעג-ליך געמאכט צו ערלייכען אונזער ציעל אין דער צוקונפט, צו באשאפען א אידי-שע היים אין ארץ ישראל?", וועט מען אויף דעם מוזען געבען א פאזיטיווען ענטפער, און מען מוז צוגעבען, דאס דער וועג איז פאר אונז אפען, ווען נאר אלע ציוניסטישע קרעפטען זאלען זיין פאר-איינגט צו ארבייטען ביז צום סוף.

פראפעסאר ארנשטיין ערקלעהרט, דאס די האלענדישע ציוניסטען שטימען איין מיט דער ארבייט פון די פיהרער. די הא-לענדישע ציוניסטען האבען געפיהלט די ווירקונג פון דער ארבייט און דער פאר-גרעסערונג פון זייער קראפט אין לאנד, און שעצען דעריבער דאס, וואס עס איז געטאן געווארען.

מר. ניידיין ווידערהאלט, דאס די פיה-רער האבען געארבייט איינשטימיג מיט די רוסישע ציוניסטען. זיי האבען זיך פארטרויט צום פאלק, און דריקט אויס, אין נאמען פון די רוסישע ציוניסטען, א דאנק און פולען צוטרוי צו די פיהרער.

דר. בערנשטיין-קאגען מאכט די זעל-בע ערקלעהרונג, אין נאמען פון די בע-סאראבער ציוניסטען.

דר. שמריהו לעווין באריכטעט, וועגען דעם אונגעהייער גרויסען ערפאלג, וואס איז ערדייכט געווארען פון די ציוניס-טען אין אמעריקא, און זייער אונשעצבא-רע ארבייט פאר'ן ציוניזם. ער שלאגט פאר אנצונעהמען א דאנקרעזאלוציע צו די ציוניסטען אין אמעריקא. ניט דער פאליטיקער, נאר דער גאנצער ציוניזם האט טריאומפירט. עס וואלט אבער נוי-טיג געווען, ערקלעהרט ער, אויפצופא-דערען די אמעריקאנער ציוניסטען צוצו-געבען צוויי פארשטעהער צו די פיהרער, און צוויי צו דער ארץ ישראל קאמיסיע.

דר. לעווין מאכט דאן דעם פאלגענ-דען פארשלאג: דער אקציאנס קאמיטעט פאדערט אויף די ציוניסטישע ארגאני-זאציע אין אמעריקא צו באשטימען לכל הפחות צוויי פארשטעהער צו דער אלגע-מיינער עקזעקוטיווע און צוויי פאר-שטעהער צו דער ארץ ישראל קאמיסיע.

(פארטזעצונג מארגען)

מאנישעוויטש'ס מצה גיט א פראצענט פאר'ן בית יתומים

די באליהמטע

ר'ב מאיר לאנדאו'ס מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד
קאסט בילינגער ווי געוועהנליכע מצות

פערלאנגט פון גראסער בלויז
ר' מאיר לאנדאו'ס
מצות און האט הנאה פון פסח. אדערעט באלד מיוחד, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery
478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

בית יתומים

א מיטינג פון בית יתומים ווערט אפגעהאלטען

אין אוטאפ'ס האל

קאר הייז און הייסטינגס

דיענסטאג מארטש דעם 16-טען

אום 8 אוהר אווענט

זייט וויסען אז מיר שיקען ניט מעהר קיינע לעטערס פאר קיין מיטינג, מר לאזען דאס וויסען דורך דער פרעסע.

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים אין
— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז
פאר פאסט קאסטען
490 הייסטינגס סטריט
געלט ווערט געשיקט אין אמע-ריקאנער דאלארס.
טעלעפאן קעדילאק 2061

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפּאני, אינקארפּאריייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראָיט, מיש. טעלעפאָן: מעין 3715

מאָווינג פּיקטשורס אלס רפואה פאר נערוועזיטעט און פוילקייט

פון ב. י. ג—ן

אפשר וועט עס אויסקומען אפּיסעל משונה'דיג, ווען מען וועט באַהויפּטען אַז „מאָווינג פּיקטשורס" זיינען ניט נאָר אן אמיוזמענט, נאָר אויך א רפואה, אבער פאקט געפינט זיך אן אקטעריסע, וואס באהויפטעט דאס. און ניט נור ווערט איהר השערה נישט אנגענומען אלס א ווילד משונה'דיגע, נאר זי האט נאך פאראינטערעסירט א סך פּערזענליכקייטען, צווישען זיי אויך מעדיקער.

די אקטעריסע איז די מאדאם ווערנאן קעסעל, וועלכע איז אויך באַקאנט אלס באַריהמטע טענצערין.

זי באהויפּטעט אַז די אקטיארען גופא, וואס געבען פארשטעלונגען פאר די מאָוויס ווערען א סך איבערגעאנדערשט.

א מאָווי־אקטיאר פיהרט דורך רייזקאַלישע סצענעס און דאס ווירקט אויף איהם אזוי, אז נאכדעם ווערט ער אויך אין פריוואטען לעבען הערא־איש. זיינע נערווען ווערען געשטארקט.

דער דורכשניטליכער מענש וואלט זיך באַוו אופן ניט אונטערגענומען איבערצוטרעטען אין איין רייזקאַלישער סצענע פון די זעהר פילע, וואס א מאָווי אקטיאר פיהרט דורך אין איין פארשטעלונג.

עס קומט, למשל, אויס, אז אן אקטיאר מוז אמאל אראפשפּרינגען פון א הויכען באַלקאָן, אדער פון א בריק אין א טיעפען וואַסער אריין. דער אקטיאר באַווייזט דאס העלדישקייט, ער קען אויך שווימען, ער איז אויך זיכער, אז די שיפלייט וואס דרעהען זיך ארום דעם פלאץ וועלען איהם באלד אויפכאפּען, און ער באשליסט שוין די סצענע דורכצופיהרען. ווען עס קומט אבער די לעצטע רגע, פארליערט ער זיך, זיינע נערווען ווערען צעטריי־סעלט און ער קען זיך קיין עצה ניט געבען. דער אקטיאר מוז דערום מאַכען איבונגען ביז ער באקומט קאנטראל איבער [illegible] ענדליך דורך דיזע געוואגטע סצענע.

ביסלעכווייז ווערט דער אקטיאר, אויף אזא אופן, הערא־איש. זיינע נערווען ווערען געשטארקט. ער ווערט א העלד וואס שרעקט זיך נישט פאר'ן לעבען און פאר די געפאהרען, וואס לויערען אויף איהם.

ענגליבעס — מיינט די דערמאהנטע אקטעריסע — איז אויך מיט די צושויער.

דער עפעקט פון מאָווינג פּיקטשורס אויף אקטיארען באציהט זיך אויך אויף דעם עולם וואס זעהט די בילדער.

די וויסענשאפט מענער וואס האבען זיך פאראינטערעסירט מיט דער מאדאם קעסעל'ס השערה, געבען דאס צו פארשטעהן אויף אזא אופן:

א מענש ווערט מיעד פון דעם אלטעגליכען לעבען. ער ווערט נער־ווועז, גייסטיג צעטרייסעלט. ער פיהלט זיך נידערשלאגען און צערייצט.

אזא מענש איז פול אפּגעלאזען.

נעהמט מען אוועק דיזען מענשען פון זיין ארבייט און מען גיט איהם אן אנדער ארבייט, ובפרט אזא וואס איז איהם ליעב און חשוב, וועט ער מיט גרויס פלייס און ענערגיע זיך נעהמען צו איהר.

דאס באווייזט אז דער מענש האט יא געהאט ענערגיע אין זיך. ער האט אבער נישט געהאט וואו דיזע ענערגיע אויסצוגיסען.

בעסער נאך: ער האט נישט געהאט קיין אינספּיראציע וואס זאל אויפעפענען זיין קוואל פון ענערגיע. ער האט באדארפט האבען אנציהונג.

איידער ער האט באקומען דיזע אנציהונג איז זיין ענערגיע געווען פארגליווערט. די צעלען פון זיין קערפער האבען אין משך פון דער אלטעגליכקייט אויפגעהערט צו פונקציאנירען; זיי האבען פארלוירען די פיזיאלאגישע אייגענשאפט צו פּראדוצירען נייע און פרישע ענערגיש כחות. זיינע מוסקולען זיינען שוואך געווארען, דער מח — מיעד און ערשעפּט. באקומט ער אבער אין צייט אינספּיראציע, סטימולירט זי די צעלען פון זיין אנגעזאמעלטער ענערגיע און דער מענש ווערט ווידער מונטער, גייסטיג איפגעפרישט און אפילו זיין אלטעגליכע ארבייט טוט ער דעמאלט מיט מעהר חשק.

מענשען וואס זיינען נאך ניט שטארק אפּגעשוואכט גייסטיג און וועל־כע נויטיגען זיך אין א לייכטען שטויס פון אנציהונג און אינספּיראציע קע־נען אויפגעמונטערט ווערען צוזעהענדיג די סצענעס אויף'ן לייווענד אין די מאָווינג פּיקטשור טעאטערן.

דער צושויער ווערט מיטגעצויגען מיט די שטארקע סצענעס און לע־בעדיגע מאמענטען, פונקט ווי ער אליין וואלט זיי דורכגעמאכט; ער ווערט גערירט און אויפגעוועקט פון אלע שרעקען וואס דער העלד אויף'ן לייוועד לעבט איבער; ער ווערט אריבערגעטראגען אין א נייער וועלט, ווייט פון דער אלטעגליכקייט, און אט דיזע נייע איבערלעבונגען גיסען אין אזא מענשען מיט סטימולאציע און וויפלעבונג; דער שטראם פון פרישער ענערגיע צעעפענט זיך אין ער ווערט — ווי מען זאגט — נייגעבוירען; ער ווערט פריש, מיט געקרעפטיגטע נערווען.

דער נייער ווילענס־קראפט און די פרישע ענערגיע לאזען איהם טאן זיין ארבייט מיט מעהר חשק.

די פּסיכאלאגישע אויטאריטעטען געבען צו, אז דאס קען גיט זיין קיין רפואה פאר שטארק אנגעגריפענע נערוועזיטעט. אבער פאר לייכט נער־וועזע מענשען איז א סברא אז דאס זאל זיין א שטיקעל רפואה און א מקור פון וואגען צו שעפּען ענערגיע און פרישען כח, אדער אינספּיראציע.

פון חאנען נעהמט זיך עס וואס דאס רוב גרויסע אויסגעמיעדעטע קינסטלער, שרייבערס, מאהלערס און זייערס גלייכען, האבען אזוי ליעב מאָווינג פּיקטשורס.

נישט נאר פארגעסט מען זיך אין מאָווי טעאטער אין דער אלטעג־ליכקייט, נאר מען שעפּט זיך נאך אן מיט פרישער ענערגיע און מען הרגע־טיגט די נערווען.

בריעף אין רעדאקציע

מכה דער, תלמוד תורה אין העמטרעמיק

1

ווערטהער רעדאקטאר פון „וועג": —

איהר האט אנגעריהרט אן אנגעוועה־טאגטע פראגע אין אייער עדיטאריעל פון לעצטען זונטאג, פרעגענדיג: ווארום עס קען ניט עקזיסטירען א תלמוד תורה אין העמטרעמעק.

איך וויל עס פּרובירען צו ערקלעהרען, אז ערשטענס האט עס אבסאלוט ניט צו טאן מיט שבר־למוד, ווייל קיין געלט האט ניט געפעהלט. נאך מעהר: מען קען זאגען, אז די תלמוד תורה אין העמטרעמעק איז אונטערגעגאנגען, ווייל ס'איז געוועזען צופיעל געלד. אלס איינער פון די גרינדער ווייס איך, ווי שווער מיר האבען גע־ארבייט, ביז מ'ר האבען דערלעבט צו זעהן אין העמטרעמעק א תלמוד תורה. איך האב געמיינט, אז א תלמוד תורה, אדער ווי מען האט זי לכתחילה געוואלט רופען „די נאציאנאלע שולע". וועט זיין אן אנשטאלט וואו אונזערע קינדער וועלען ערצויגען ווערען אין מאדערנעם אי־דישען גייסט. האט זיך עס אבער אויסגע־לאזט (מיט דער הילף פון 1000$ ע.ר.) דאס, וואס עס לאזט זיך אויס אין עהנליכע פע־לע. אנשטאט די תלמוד תורה זאל האָ־בען קאמפּעטענטע לעהרער האט מען אנ־געשטעלט א שוחט צו לערנען מיט דיא קינדער, אדער בעסער געזאגט, מען האט אנגעשטעלט די קינדער צו לערנען מיט'ן שוחט.

עס איז דא פיעל מעהר צו שרייבען וועגען דעם, [illegible] ניט וועלענדיג אריינ־געהן אין פּאלעמיק ענדיג איך מיט דיא ווערטער: איידער אזא תלמוד תורה ווי עס איז געוועזען איז שוין גלייכער אזוי.

א העמטרעמעקער

2

ווערטער רעדאקטאר פון „וועג": —

רעוענדיג דעם עדיטאריעל מכה דער העמטרעמעקער תלמוד־תורה, קען איך אויך זאגען, אז העמטרעמעקער אידען גי־בען געלט פאר אלע אידישע אינסטיטו־ציעס אין דעטראיט. דער טראבעל מיט די העמטרעמעקער אידען איז, וואס זיי זיי־נען שטענדיג פארטאן אין ביזנעס. ביז־נעס שטעהט ביי זיי העכער פון אידיש־קייט און פון לאזען נאך זיך א אידישען דור. דער אלטער מר. ריבקין האט זעהר פיעל געטאן און ער וואלט פיעלעס נאך געקענט אויפטאן, אבער ער איז צו אלט און יעואך. ווען העמטרעמעקער אידען זא־לען פארמאגען כאטש איין אידען, מיט אידישע שטאלץ, זאל האבען אין זיך א ביסעל פון אידישקייט און וויסען כאטש עטוואס פון אידישער היסטאריע, פון אונ־זער פארגאנגענהייט און פון אונזער צו־קונפט, וואלט אלעס געווען גוט. קיין געלט פעהלט ניט אין העמטרעמעק. הונדערט דאלאר א מאנאט שפּיעלט דארט קיין ראָ־ליע ניט. איך קום פון צייט־צו־צייט אין העמטרעמעק אין די אינטערעסען פון חסד של אמת, ברענג איך פון דארטען 75 דאלאר אין 5 שטונדען צייט. מען דארף נאר צו זיי קומען וועקען, ווארימען, אפּע־ליערען און זיי רופען זיך אפּ. זיי האבען אבער ניט אזא מאן דארטען. ס'איז אין אמעריקע ניט קיין מאָדע צו ברענגען אליין געלט פאר א געוויסען אינסטיטו־שאן, מען די אינסטיטושאן זיין די נא־בעלסטע. העמטרעמעק אליין דארף פון זיך ארויסגעבען אזא מאן, אבער איך האף אז ער וועט אין גיכען קומען. מיר זיינען באקאנט אלע איינצעלהייטען פון דער שוהל מיט דער תלמוד־תורה פון העמטרע־מעק און איך ווייס אז מר. ריבקין האט פארדיענט דעם גרעסטען רעספּעקט פאר זיין ארבייט.

מיט אכטונג,
שלמה זאמדוויים.

די לאגע פון די אידען אין טערקיי

שלום פון זייט 4

גענט ווייס. די האמיסיע פאר'ן נאהענ־טען מזרח האט באזארגט לעוואנדע, וואַ־טע און אנדערע נויטיגע זאכען, און האט אויך געגעבען די קראנקע דאס ערשטע ווייסער מילך און א שטיקעל ווייסען ברויט.

זעהר א גרויסע הילף איז אויך געווע־ען דאס באזארגען די קאנסטאנטינאפּאָ־לער אידען מיט א מעגליכקייט צו ער־ברייטען און פארדיענען אליין זייער ברויט. מיט דער הילף פון דער ארטיגער קאמיטע און דער יק"א, און דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע געלונגען צו קרי־גען וואַרשטאטען און ארבייט פאר עטלי־כע טויזענד אידען. דאס זעלבע איז גע־טאן געווארען אויך מיט איניגע פון די היימלאזע. די פּעהיגערע מענשען צווי־שען זיי האבען נעקראגען ארבייט ביי דער רעגירונג, און א הונדערט עדוא־רדע־בייטער, וואס זענען געקומען פון רומע־ניען, זענען באזעצט געווארען אין דער ק"א — האלאַניע נעבען קאנסטאנטינאָ־פּאל. עס זענען אויך געעפענט געווארען [illegible] פארשידענע שולען וועלכע זענען פאר־מאכט געווארען בשעת דער מלחמה, און די היגע קאמיטעס באזארגט זיי מיט אלעס נויטיגען.

די לאגע אין אנדערע שטעדט

נישט אנדערש ווי אין קאנסטאנטינאָ־פּאל איז אויך געוועזען די לאגע אין אנדע־רע טערקישע שטעדט מיט א גרעסערער באפעלקערונג.

אין אדריאנאפּאל, וואו עס זענען גע־וועזען 20.000 אידען, האט דער שליח געפונען איבער 500 יתומים, אויף וועל־כע קיינער האט זיך נישט אומגעקוקט פּשוט צוליעב דעם, ווייל די באפעלקע־רונג איז נישט אימשטאנד געוועזען זיי צו העלפען מיט עפּעס. עס איז ארגאני־זירט געווארען א קאמיטע און עס איז באזארגט געווארען שטיצע פאר די יתומים און הונגעריגע.

סמירנא מיט איהר אידישער באפעל־קערונג פון 50.000 האט געהאט א גרוי־סע צאָהל אלמנות און איבער 900 יתומים. פון די 900 זענען בלויז 200 באזארגט געווארען ווי עס איז פון די אר־טיגע אידען, און די איבעריגע 700 זע־נען געוועזען אויף דער גאס. אויסער דעם האט סמירנא צוגעקראגען 950 היימלאזע פון דער שטאדט אידין. דארטען איז פארגעקומען א שלאכט צווישען די גריכען און טערקען. אלע אידישע און גריכישע הייזער זענען חרוב געווארען, נאר אין דער צייט וואס די גריכען האבען גע־קראגען א שטיצע פון דער גריכישער רעגירונג, זענען די אידען געבליבען אהן הילף און האבען זיך געמוזט וואנ־דערען צו זייערע ברידער אין סמירנא. פאר די דאזיגע היימלאזע האט די קאמיטע קודם כל באזארגט א פלאץ צו וואהנען אין א גרויסען פּאלאץ, וועלכען די טער־קען האבען אין צייט פון דער מלחמה קאנפיסקירט ביי אידען, און מען האט זיי אויך באזארגט מיט ברויט, זופּ און מעדיצינישער הילף. עס איז אויך ארגא־ניזירט געווארען א ארטיגע קאמיטע, וואס קריגט מאנאטליכע שטיצע פון דער הויפּט קאמיטע אין קאנסטאנטינאפּאל צו באזארגען די הונגערענדע. און די יתומים זענען געשטעלט געווארען אונטער דער שוץ פון דער אמעריקאנער קאמי־סיע, וואס זארגט פאר אלע יתומים.

די צאהל פון אזעלכע שטעדט אין דער אייראפּעאישער טערקיי, וועלכע קריגען שטיצע פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע דורך קאנסטאנטינאפּאל, איז דריי און צוואנציג.

אין דער אזיאטישער טערקיי איז דיא לאגע נישט געוועזען אנדערש. אלעפּא מיט איהרע 15.000 אידען האט געהאט 450 יתומים און א גרויסע צאהל אלמנות. די יתומים, נאקעט און אויסגעהונגערט, האבען זיך ארומגעשלעפּט איבער די גאַ־סען. עס איז ארגאניזירט געווארען א קאמיטע, וואס האט זיי באזארגט מיט עסען, שיך און קליידונג.

אין דמשק האט דער שליח געפונען די אידישע באפעלקערונג וואיענדיג אין אלערלעי דייגות, און וועלכע מען קען קוים האַלטען עופות. נאקעטע און אויסגע־שלעפּט איבער די גאסען, די קיילעבדיגע בלייבטע האבען זיך די מענשען ארומגע־[illegible]. צאהל יתומים איז געוועזען 350. עס זענען געעפענט געווארען זופּקיכען, וואר־שטאטען פאר דיא ארבייטס פעהיגע יתומים הייזער פאר די קינדער און עס איז ערוועהלט געווארען א קאמיטעט, וואס זאל קריגען א שטענדיגע שטיצע.

דאס זענען בלויז איינציגע טרוקענע פאקטען פון דער אידישער לאגע אין טער־קיי און דער הילף, וואס ווערט דארטען געגעבען. אבער פון די פאקטען איז גע־נוג דייטליך, ווי ווייט עס איז נאך די נויט פון די אידען אין טערקיי.



אונזערע ספּעשעל מאשינען סייווען ארבייט.

אונזערע איבערגעבילטע מאשינען סייווען געלד.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פּראָפיט

מיר פארקויפען די בעסטע אין דער ליין פון נעה מאשינען פיר יעדער סטיטשינג אפּעריישאן, א הויז די נייע און ספּעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעניצטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייווען פיעל געלד בערביי.

A. C. Payer

119 E. Jefferson — טעלעפאן טשערי 1813

נייעס פאר אקלאנד!

א פוירסט קלעס קלינינג, ריפּיירינג און טיילארינג שאפּ ווי אויך דרעסמייקינג האט זיך געעפענט

— אויף —

759 אקלאנד.

נייער וועסטמינסטער, נעקסט צו דער קאָאפּעראטיווער בעקערי אונטער דעם נאמען

The Sunlight Cleaning and Dyeing Co.

אונזער גוטע ארבייט און מעסיגע פרייזען וועלען אייך מאכען פאר אונזער שטענדי־גען קאסטומער.

אין א ווינקעל פון דעטראיט

א נייער ראמאן, ספּעציעל געשריבען פאר'ן „וועג"

פון ב. איסאיעוויטש

אין דיזען ראמאן ווערט דערצעהלט אן אינטערעסאנטע פּאסירונג פון א אידיש פאר פּאלק, וואס איז פארבונדען מיט דעטראיט.

דער ראמאן איז שפאנענד פון דער ערשטער פארטזעצונג אן.

דער „וועג" באמיהעט זיך אפּצושפּיגלען אלע דעטראיט'ער ענינים. די דעטראיט'ער אפּטיילונגען אויף דער ערשטער פיידזש זיינען

„פון דעטראיט'ער געריכטס הויז" „אויף דעטראיט'ער גאסען".

די אפּטיילונגען אין די מיטעלדיגע פיידזשעס, זיינען:

„דעטראיט אויף דער לינקער זייט" פעליטאנען פון ישראלי.

„דעטראיט'ער שפּיגעל" — אינטערעסאנטע פּאסירונגען פון דעטראיט'ער אידישען לעבען, געשריבען פון הרואה ואינו נראה.

„לאמיר זיך דורכרעדען — שמועס'ען מיט דעטראיט'ער אידען פון ר. ברוך'ל.

„דעטראיט'ער צייטונגען וועגן דעטראיט'ער ענינים" — די וויכטיגסטע עדיטאריעלע נאטיצען פון דער היגער פרעסע, איבערזיכט פון ר. ראזוויטש.

„פון דעטראיט'ער צייטונגען" — ארטיקלען און [illegible] איבער־[illegible] ענגלישע, דער תמצית פון די עדיטאריאל'ס פון די היגע צייטונגען מיט קאמענ־טארען פון ז. רוזקוואן.

חוץ דעם געפינט איהר אין „וועג" עדיטאריעל'ס און ארטיקלען וואס באַ־האנדלען דעטראיטער ענינים וואס זיינען אינטערעסאנט פאר יעדען אידען. מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך אויף דער [illegible] פּיידזש.

C. W. Kotcher
Lumber Co.

בעסטער אַלערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.
Melrose 3390

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Tuesday, March 16th 1920 Vol. 2, No. 2? דינסטאג, מארטש 16־טער 1920

ציווילער קריעג אין דייטשלאנד; נאסקע פיהרט אן ארמיי אויף בערלין; מאנארכיע צוריקגעשטעלט אין באוואריען

דרום־דייטשע שטאטען מיט עבערטס רעגירונג געגען איבערקעהרעניש

סאציאליסטישער גאווערנאר פון איסט פרייסען ערקלעהרט אין א מאניפעסט טרייהייט צו קאפ'ן

נייע רעגירונג וועט פארהאנדלען מיט עלייעס וועגען נייעם שלום אפמאך. דראהט זיך צו פאראייניגען מיט רוס לאנד אי עקאנאמיש אי מיליטעריש. קלאנג נאסקע אין א פארשטענדניש מיט קאפ'ס רעגירונג.

אמעריקאנער קאמאנדיר אין קאבלענץ געגען גענעראל סטרייק פון דייטשע ארבייטער

פאריז, מארטש 15. — א דעפעש פון בערלין מעלדעט, דאס די נייע רעגירונג פון קאנצלער קאפ איז געקומען אין א פער־שטענדניש מיט נאסקען און אז דער ערוואַרטעטער קריזיס אין דייטשלאנד האט זיך געענדיגט.

פאריז, מארטש 15. — באוואַרישע מאנארכיע איז פראקלא־מירט געווארען אין מוניך. דיעזע ידיעה איז ערהאלטען געווא־רען דורכ'ן טעלעפאן פון דער באוואַרישער הויפט־שטאט אין בערלין און איז פון דארטען טעלעגראפירט געווארען צו דער פראנצויזישער צייטונג „טעמס“.

לאנדאן, מארטש 15. — א ציווילער קריעג האט אויסגעבראכען אין דייטשלאנד און שלאכטען קומען פאר אין בערלין, מאגדעבורג, קיעל, האמבורג, וויימאר, לייפציג, אייזענאך און פראנקפורט.

נאסקע, ווערט בעריכטעט, פיהרט אן ארמיי אויף בערלין. קאנצלער קאפ זאגט, דאס ענגלאנד וועט שטיצען זיין רעגירונג.

אין בערלין האבען עבערטס אנהענגער צוריק פארכאפט אייניגע רעגיר־רונגס געביידען וואס זענען שוין איינגענומען געווארען פון די רעבעלירענ־דע סאלדאטען.

פאריז, מארטש 15. — 50 פערזאן זענען געטויטעט געווארען אין קיעל און 30 אין עסען (דער פלאץ פון קרופ'ס קאנאנען פאבריק) אין שלאכטען צווישען קעמפענדע דייטשע פארטייען. אין ??? זענען 80 פערזאן פאר־וואונדעט געווארען.

בערלין, מארטש 14. (פארשפעטיגט) — אן אונבאשטעטיגטער באריכט גיט איבער, דאס די נייע רעגירונג איז געקומען צו אן אפמאך מיט דער עבערט־רעגירונג, כדי צו פארמיידען דעם דראהענדען גענעראל סטרייק.

בערלין, מארטש 15. — ס'ווערט דא בעריכטעט, דאס די דרום־דייטשע גענעראלען אין די זאקסישע ארמיי האבען געשווארען טרייהייט צו גוס־טאוו נאסקע'ן, דעם פארטיידיגונגס מיניסטער אין דעם עבערט קאבינעט.

קאפענהאגען, מארטש 15. — דער טעלעפאן־פארקעהר צווישען דיעזער שטאט און בערלין איז היינט אכט פריה־מארגענס איבערגעריסען געווארען.

לאנדאן, מארטש 15. — אין א דעפעשע פון בערלין צו דער „היגער טיימס“, האטירט זונטאג אווענט, ווערט געזאגט, אז רעוואָלטעס קומען פאר אין פיעל דיסטריקטען פון דער דייטשער הויפט־שטאט אבער קיינע איינצעלהייטען ווערען ניט אנגעגעבען.

קאפענהאגען, מארטש 14. — א דעפעשע פון האמבורג מעלדעט, דאס סאלדאטען, וועלכע געהערען צו דער „עפענטליכער פארטיידיגונג“ און זענען צום גאנצען פון דער עבערט־רעגירונג, האבען פארכאפט די געביי־דע פון שטאט־ראט און אנדערע מוניציפאלע פלעצער.

אין אלטא האבען די ארבייטער ערקלעהרט א גענעראל סטרייק, וועל־כער האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם סוספענדירען פון דעם שטאטישען פארקעהר, ווי טראמווייען, עלעוועיטארס און ד. ג.

ברעסלוי, מארטש 14. — די שטאט ברעסלוי איז צוגעשטאנען צו דער

נייער רעאקציאנערער רעגירונג. 30 פערזאן, צווישען זיי הויך־פראזי־דענט פיליפ, זענען ארעסטירט געווארען.

לאנדאן, מארטש 14. — אין פארלויף פון א שלאכט אויף די גאסען אין פראנקפורט, זענען 15 פערזאן גע'הרג'עט און 100 פארוואונדעט געווארען.

לאנדאן, מארטש 15. — ס'ווערט באריכטעט, דאס שלאכטען קומען פאר אין בערלין.

די ארבייטער און סאציאליסטישע פראקציעס האבען אין דיעזע קריטי־

(שלוס אויף זייט 6)

קאמף צווישען מעיאר און קאר קאמפאני אין פולען ברען

דער קאמף וואס געהט איצט אן צווי־שען דעם היגען מעיאר און דער קאר־קאמפאניע, האט זיך אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע טעג צופלאקערט אין פולען ברען. די קאמפאניע האט פארעפ־פענטליכט איהר פארשלאג צו די דעט־ראיטער בירגער, און זי איז ווילינג צו מא־כען אייניגע קאנצעסיעס, וועלכע זיינען אין קורצען ווי פאלגט:

1. די זאפארטיגע אויסבירדונג פון נייע ליניען. די ראזינג אויסברייטערונג זאל געמאכט ווערען אויף 200 מייל, 50 מייל א יאהר. (דאס מיינט, אז די קאמפא־ניע נעהמט זיך פיער יאהר אויפצו־בויען די ראזינג ניי־ליניען)

2. די קאמפאניע פארשפרעכט נאך 350 מאטארס און „טרעילערס“ צום איצטיגען „ראלינג סטאק“, און נאך 100 קארס אין פארלויף פון די קומענדע דריי יאהר. אלע קארס זאלען זיין אייגנעריכ־טעט און אויסגעשטאטעט אויף א מאדער־נעם אופן.

3. 5 סענט „פעיר“ מיט טראנס־פערס צו אלע טיילען פון שטאט, וועלכע וועלען אויך גילטען צו אנדערע טעריטאָ־ריעס, וועלכע זענען, אדער וועלען זיין, אנעקסירט צו דער שטאדט.

4. א געמיינשאפטליכער ראט פון דער שטאט און דער קאמפאניע זאל הא־בען די פולע קאנטראל איבער דער אפער־רירונג פון די קארס.

5. אלע פינאנציעלע סכסוכים צווי־שען דער קאמפאניע און דער שטאט, זאל איבערגעגעבן ווערן צו א באָרד און אר־ביטריישאן, ערוועהלט פון בײדע צדדים.

6. די קאמפאניע ניט אויף אלע איהרע עקזיסטירענדע פריוויליגיען. אלעס וועט זיין אפהענגיג אן דעם געמיינשאפט־ליכען ראט.

7. די קאמפאניע זאל קריגען א פראפיט פון 6 פראצענט פון אלע איהרע אינוועסטמענטס אין שטאט־ליניען.

8. די קאמפאניע איז ווילינג צו פאר־קויפען איהר סיסטעם צו דער שטאט אין פארלויף פון אירגענד וועלכער צייט, ווען דער אגרימענט וועט זיין אין קראפט. דער פרייז זאל באשטימט ווערן פון א באארד און ארביטריישאן. דער אגרי־מענט טאר ניט האלטען לענגער ווי 30 יאהר.

קאמפאניעס פארשלאג א באליידיגונג פאר דעטראיט. זאגט מעיאר קאוזענס.

„דער אפער פון דער „די יו אר“, איז א באליידיגונג פאר די בירגער פון דעטראיט און, עס לוינט זיך אפילו ניט צו קאמענטירען וועגען איהם.“ —

אט אזא ערקלעהרונג האט געבען געמאכט מעיאר קאוזענס, נאכדעם אין באצוג צו דעם נייעם אפמאך, וואס די קאמפאניע שלאגט פאר די בירגער פון דעטראיט.

„ווען ניט דער פאקט, האט דער מעיאר פארטגעזעצט, „וואס דעטראיט האט א גרויסע צאהל נייע בירגער, וועל־כע זיינען ניט באקאנט מיט דער אומ־עהרליכקייט פון דער „די יו אר“, וואלט איך אפילו וועגען דעם א ווארט ניט פאר־לוירען.

פאר דער קאמף איז קיין אפמאך ניט כּדאי, ווייל זי וויסט ניט פון האלטען קאנטראקטען. דאס קען מען זעהן פון א סטייטמענט וואס די קאמפאניע האט געמאכט, אז זי וועט קעמפען געגען דער שטאט'ס איבערנעהמונג פון די פארט און וואודווארד קארליניען, ניט אכטענ־דיג וואס דער סופרים־קאורט האט אזוי געפסק'עט.“

דער מעיאר געהט דערנאך אריין אין פרטים. ער מאכט צונישט, אלע איהרע פארשפרעכונגען און לויט זיין מיי־נונג איז דיעזער פארשלאג „א נייגעפלא־טער „האלד אפ“ אויף דער שטאט מצד דער קאמפאניע“.

זאגט ווילסאן ליידעט אויף אונהייל־בארער קראנקהייט.

„עס זיינען האט ער געזאגט — פארהאן צוויי מעגליכע וועגען ווי אזוי ארויסצוקריכען פון דעם געזעלשאפטלי־כען כאאס, וואס הערשט איצט ביי אונז אין לאנד. איינער איז א רעוואלוציע, וואס זאל מיט געוואלד ארונטערווארפען די איצטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג, ווייל איך גלויב ניט פאר א מאמענט, אז די איצטיגע ארדנונג מעג בלייבען אזוי ווי זי איז.

„דער צווייטער וועג איז, אויסערגע־וועהנליכע עקזעקוטיווע מיטלען וועלכע זאלען זיין גאנץ אנדערש ווי די יעניגע, וואס האבען אונז אזוי ענטריסטעט אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר.“

ביי דיעזען פונקט האט דער רעד־נער זיך אפגעשטעלט אויף ווילסאנ'ס קראנקהייט און אויפגעוויזען, ווי פיעל דאס לאנד האט דערפון געליטען.

„דער קאנגרעס, ווי ער איז יעצט צוזאמענגעשטעלט — האט מר. העינס ווייטער געזאגט — איז ניט גענוג פעהיג צו רעפרעזענטירען דאס פאלק. עס ווענדט זיך אן די וואוטערס אין די קומענדע פע־דעראלע וואהלען צו ערוועהלען די ריכ־טיגע מענער און פרויען“.

ער האט אויך אטאקירט די איצטי־גע פארם פון קאנגרעס, וואו יעדער מיט־גליעדער ווערט א נעציג אין די הענט פון פאליטישען באס. ער האט רעקאמענדירט, אז אנשטאט צוויי הייזער (קאנגרעס און סענאט) זאל פארמירט ווערען איין לעד־זשיסלייטשור פון ארום 150 מיטגליע־דער, צוזאמענגעשטעלט פון די בעסטע מענשען פון לאנד.

אין א רעדע וואס מר. לינן העינס פון וואשינגטאן, רעדאקטאר פון דער „סווירטשליית“ האט געהאלטען לעצטען זונטאג אין סענטראל האיסקוהל, האט ער געזאגט אז פרעזידענט ווילסאן בלייבט א שטענדיגער אינוואלד. ער ליידט פון אן אומהיילבארער קראנקהייט, וואס צו־ברעכט איהם פיזיש און גייסטיג.

ווען אייניגע נייגעריגע צוהערער הא־בען געפרעגט דעם רעדנער, אין וואס עס באשטעהט ווילסאנ'ס קראנקהייט, האט ער זיך אנטזאגט צו ענטפערען אויף דער פראגע.

„איך בין אין א זעהר דעליקאטער לאגע — האט דער רעדנער געענטפערט. — איך האב געקראגען אינפארמאציע מכח דעם פרעזידענטס קראנקהייט פון „הויכע ספערען“, אבער איך גלויב, אז איך וועל ניט זיין אם פלאץ, ווען איך וועל ארויס מיט דיטאלען. די יעניגע וואס שטעהן נאהענט צום פרעזידענט, האל־טען פאר ראטזאם צו האלטען די זאך בסוד.

אפגעשטעלט האט זיך מר. העינס אויף דעם פרעזידענטס געזונט־צושטאנד, בדרך הגב. די הויפט טעמא פון זיין רעדע איז געווען: „די איצטיגע סאציא־לע און עקאנאמישע לאגע אין די פאר־אייניגטע שטאאטען. ער האט רעקאמענ־דירט שטארקע ענדערונגען אין דער גע־זעצגעבונג און אין דער אינערליכער פא־ליטיק.

אין מארגענדיגען נומער „וועג“

דר. יעקב גרינפעלד — דער פיעלד סעקרעטאר פון'ם אוקראינער פארבאנד שרייבט אין מארגענדיגען „וועג“ אן אפהאנדלונג וועגען דער פילאדעלפיער קאנווענשאן.

אין דעטראיט איז איצט אן עסק מכח דעם סכסוך צווישען דעם מעיאר און דער קאר קאמפאניע; — צווישען מישי־גאן און מינעסאטען סטייטס וועגען קויי־לען; חוץ די קלענערע עסקים ווי רויטע ראדיקאלען, האלד אפס ובדומה — דאס אלעס נוצט אוים ישראלי אלם א. טע־מא אין זיין מארגענדיגען „דעטראיט אויף דער לינקער זייט“.

איינדרוקספאל זיינען געווען די רע־דעס און סצענעס אויף דער ציוניסטישער קאנפערענץ פון'ם אקציאנס - קאמיטעט אין לאנדאן און די רעדעס אויף דעם באנקעט — לייענט וועגען דעם דעם סוף פון די באריכטען אינ'ם מארגענדיגען „וועג“.

אין וואסער צייט לעבען מיר? אלע פעלקער שמיערען איבער זייערע אקטר־איזענס אין שווערען און ביקסען און צו וואס דאס פיהרט אין אומציוויליזיר־טע מקומות — וועגען דעם שרייבט דער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין אין זיין מארגענדיגען עדיטאריעל.

א דעטראיט'ער יונגערמאן פרעגט צו זיינע עלטערן מעגען זיך אריינמישען ווען ער וויל היראטען אן אלמנה מיט 2 קינדער — ב. י. ג—ן ענטפערט דעם פארלענטען בחור אין זיין עדיטאריעל אויף דער לעצטער זייט.

יאפאנעזישע סאלדאטען אין סיביר רעבעלירען

לאנדאן, מארטש 15 — א רעוואלוציע האט אויסגעבראכען צווישען אייניגע אפ־טיילונגען פון דער יאפאנעזישער ארמיי אין סיביר. דיעזע ידיעה איז אנגעקומען פון מאסקווא דורכ'ן דראטלאזען טעלע־גראף. די סאלדאטען האבען, לויט דער טעלעגראמע, ארעסטירט די אפיצירען פון זייערע אפיצערען און ארויסגעהאנ־גען אויף זייער פלאץ רויטע בענדלאך.

העלער — געצוואונגען צו ענטמוטיגען אויסלענדישע סוחרים, וועלכע גרייטען זיך פאהרען קיין רוסלאנד אנצופאנגען האנדעל. די סאוועט־רעגירונג איז ניט גרייט צו עפענען איהרע טירען פאר אויסלענדישע האנדעלס פארטרעטער, ביז עס וועט ניט אויסגעארבייט ווערען א פאלשטענדיגער האנדעלס־אפמאך מיט די לענדער פון וואנען זיי קומען“.

באשטעלונג פאר צוויי טויזענד לאקאמאטיווען פון סאוועט־רוסלאנד

ניו יארק, מארטש 15 — א. העל־לער, דירעקטאר פון דעם קאמערציעלען דעפארטמענט פון דער רוסישער סאוועט־ביורא אין די פאראייניגטע שטאאטען, האט געגעבען אנאנסירט, אז ער איז אויטאריזירט געווארען פון מאסקווע צו מא־כען דא א באשטעלונג אויף צוויי־טויזענד לאקאמאטיווען, און אויך אזא צאהל רייל־ראוד קארס. צאהלונגען וועלען געמאכט ווערען אין גאלד.

מר. העללער האט ערקלעהרט, אז דער דעפארטמענט איז אינסטרואירט געווא־רען ניט מאכען מעהר קיין באשטעלונ־גען, מיט דער אויסנאהמע פון דער אוי־בענדערמאנטער צאהל אויטאמאבילס און קארס, כל זמן מ'וועט ניט קומען צו א באשטימטער פארשטענדניש וועגען די אלגעמיינע באציהונגען פון האנדעל צווי־שען רוסלאנד און די פאראייניגטע שטא־טען.

„מיר זענען פארלויפיג — זאגט מר.

ענגלישע סט. רים קומען שטודירען דעטראיטער סטאר־מעטאדען

ניו יארק, מארטש 14. — 22 ענגלי־שע סוחרים, וועלכע רעפרעזענטירען די גרעסטע דעפארטמענט סטארס פונ'ם ענ־גלישען רייך, וועלען אין גיכען אפפאה־רען פון ענגלאנד קיין אמעריקע, מיט דעם צוועק צו שטודירען די אמעריקאנער פארוואלטונגס־מעטאדען פון ריטייל סטארס. זיי וועלען זיין די געסט פון דער נעשאנאל דראיגודס אסאסיאיישאן.

סעקרעטערי אוו קאמערס אלעקס האט פארשפראכען צו געבען די געסט א קבלת פנים אין נאמען פון גאנצען לאנד און וועט זעהן אז דער האנדעלס־מיניסטער־יום זאל ווי ווייט מעגליך זיי העלפען אין זייער שטודיום.

די געסט וועלען מאכען א טור אין א ספעציעלער קאר אין פאלגענדע שטעט: פיטסבורג, דייטאן, סינסינעטי, קליוולאנד, טאלידא, שיקאגא, סט. לואיס קענזעס סיטי, לאס אנדזשעלעס, יאסמייט וואלעי, סאן פראנציסקא, פארטלאנד, סיאטעל, סאלט לייק סיטי, קאלאראדא ספרינגס, דענווער, אמאהא, מילוואקי, דעטראיט, באפלא, ניאגרא פאלס און באסטאן, זיי וועלען אויך באזוכען וואשינגטאן און באלטימאר.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Tuesday, March 16th 1920 Vol. 2, No 2?

דינסטאג, מארטש 16-טער 1920

ציווילער קריעג אין דייטשלאנד; נאסקע פיהרט אן ארמיי אויף בערלין; מאנארכיע צוריקגעשטעלט אין באוואריען

דרום־דייטשע שטאטען מיט עבערטס רעגירונג געגען איבערקעהרעניש

סאציאליסטישער גאווערנאר פון איסט פרייסען ערקלעהרט אין א מאניפעסט טרייהייט צו קאפ׳ן

נייע רעגירונג וועט פארהאנדלען מיט עליעס וועגען נייעם שלום אפמאך. דראהט זיך צו פאראייניגען מיט רוסלאנד אי עקאנאמיש אי מיליטעריש. קלאנג נאסקע אין א פארשטענדניש מיט קאפ׳ס רעגירונג.

אמעריקאנער קאמאנדיר אין קאבלענץ געגען גענעראל סטרייק פון דייטשע ארבייטער

פאריז, מארטש 15. — א דעפעש פון בערלין מעלדעט, דאס די נייע רעגירונג פון קאנצלער קאפ איז געקומען אין א פערשטענדניש מיט נאסקען און אז דער ערוואַרטער קריזיס אין דייטשלאנד האט זיך געענדיגט.

פאריז, מארטש 15. — באוואַרישע מאנארכיע איז פראקלאמירט געווארען אין מוניך. דיעזע ידיעה איז ערהאלטען געווארען דורכ׳ן טעלעפאן פון דער באוואַרישער הויפט־שטאט אין בערלין און איז פון דארטען טעלעגראפירט געווארען צו דער פראנצויזישער צייטונג „טעמפס״.

לאנדאן, מארטש 15. — א ציווילער קריעג האט אויסגעבראכען אין דייטשלאנד און שלאכטען קומען פאר אין בערלין, מאגדעבורג, קיעל, האמבורג, וויימאר, לייפציג, אייזענאך און פראנקפורט.

נאסקע, ווערט בעריכטעט, פיהרט אן ארמיי אויף בערלין. קאנצלער קאפ זאגט, דאס ענגלאנד וועט שטיצען זיין רעגירונג.

אין בערלין האבען עבערטס אנהענגער צוריק פארכאפט איינינע רעגירונגס געביידען וואס זענען שבת איינגענומען געווארן פון די רעבעלירענדע סאלדאטען.

פאריז, מארטש 15. — 50 פערזאן זענען געטויטעט געווארען אין קיעל און 30 אין עסען (דער פלאץ פון קרופ׳ס קאנאנען פאבריק) אין שלאכטען צווישען קעמפענדע דייטשע פארטייען. אין ... 80 פערזאן פארוואונדעט געווארען.

בערלין, מארטש 14. (פארשפעטיגט) — אן אומבאשטעטיגטער בעריכט גיט איבער, דאס די נייע רעגירונג איז געקומען צו אן אפמאך מיט דער עבערט־רעגירונג, כדי צו פארמיידען דעם דראהענדען גענעראל סטרייק.

בערלין, מארטש 15. — ס׳ווערט דא בעריכטעט, דאס די דרום־דייטשע גענעראלען און די זאקסישע ארמיי האבען געשוואוירען טריייהייט צו גוסטאוו נאסקע׳ן, דעם פארטיידיגונגס מיניסטער אין דעם עבערט קאבינעט.

קאפענהאגען, מארטש 15. — דער טעלעפאן־פערקעהר צווישען דיעזער שטאט און בערלין איז היינט אכט פריה־מארגענס איבערגעריסען געווארען.

לאנדאן, מארטש 15. — אין א דעפעשע פון בערלין צו דער היגער „טיימס״, האטירט זונטאג אוונט, ווערט געזאגט, אז רויבערייען קומען פאר אין פיעל דיסטריקטען פון דער דייטשער הויפט־שטאט אבער קיינע איינצעלהייטען ווערען ניט אנגעגעבען.

קאפענהאגען, מארטש 14. — א דעפעשע פון האמבורג מעלדעט, דאס סאלדאטען, וועלכע באלאנגען צו דער „עפענטליכער פארטיידיגונג״ און זענען צום גאנצען פון דער עבערט־רעגירונג, האבען פארכאפט די געביידע פון שטאט־ראט און אנדערע מוניציפאלע פלעצער.

אין אלטא האבען די ארבייטער ערקלעהרט א גענעראל סטרייק, וועלכער האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם סוספענדירען פון דעם שטאטישען פארקעהר, ווי טראמוויי׳ען, עלעווייטארס און ד. ג.

ברעסלוי, מארטש 14. — די שטאט ברעסלוי איז צוגעשטאנען צו דער

נייער רעאקציאנערער רעגירונג. 30 פערזאן, צווישען זיי היינ־פרעזידענט פיליפ, זענען ארעסטירט געווארען.

לאנדאן, מארטש 14. — אין פארלויף פון א שלאכט אין די גאסען אין פראנקפורט, זענען 15 פערזאן גע׳הרג׳עט און 100 פארוואונדעט געווארען.

לאנדאן, מארטש 15. — ס׳ווערט בעריכטעט, דאס שלאכטען קומען פאר אין בערלין.

די ארבייטער און סאציאליסטישע פראקציעס האבען אין דיעזע קריטי־

(שלוס אויף זייט 6)

יאפאנעזישע סאלדאטען אין סיביר רעבעלירען

לאנדאן, מארטש 15 — א רעוואלוציע האט אויסגעבראכען צווישען איינינע אפטיילונגען פון דער יאפאנעזישער ארמיי אין סיביר. דיעזע ידיעה איז אנגעקומען פון מאסקווא דורכ׳ן דראטלאזען טעלעגראף. די סאלדאטען האבען, לויט דער טעלעגראמע, ארעסטירט די אפיציערען פון זייערע אפיצערען און ארויסגעזאגט זיך צו גיין אויף זייער פלאץ רויטע בענדלאך.

—::—

באשטעלונג פאר צוויי טויזענד לאקאמאטיווען פון סאוועט־רוסלאנד

ניו יארק, מארטש 15 — א. העללער, דירעקטאר פון דעם קאמערציעלען דעפארטמענט פון דער רוסישער סאוועט־ביוראָ אין די פאראייניגטע שטאאטען, האט נעכטען אנאנסירט, אז ער איז אויטאריזירט געווארען פון מאסקווא צו מאכען דא א באשטעלונג אויף צוויי טויזענד לאקאמאטיווען, און אויך אזא צאהל רייל־ראוד קארס, צאהלונגען וועלען געמאכט ווערען אין גאלד.

מר. העללער האט ערקלעהרט, אז דער דעפארטמענט איז אינסטרואירט געווארען ניט מאכען מעהר קיין באשטעלונגען, מיט דער אויסנאהמע פון דער אויבענדערמאנטער צאהל אוטאמאבילס און קארס, כל זמן מ׳וועט ניט קומען צו א באשטימטער פארשטענדניש וועגען די אלגעמיינע באדינגונגען פון האנדעל צווישען רוסלאנד און די פאראייניגטע שטאטען.

״מיר זענען פארלויפיג — זאגט מר. העלער — געצוואונגען צו ענטמוטיגען אויסלענדישע סוחרים, וועלכע גרייטען זיך פאהרען קיין רוסלאנד אנצופאנגען האנדעל. די סאוועט־רעגירונג איז ניט גרייט צו עפענען איהרע טירען פאר אויסלענדישע האנדעלס פארטרעטער, ביז עס וועט ניט אויסגעארבייט ווערען א פעסטשטענדיגער האנדעלס־אפמאך מיט די לענדער פון וואנען זיי קומען״.

—::—

ענגלישע סו. רים קומען שטודירען דעטראיטער סטאר־מעטאדען

ניו־יארק, מארטש 14. — 22 ענגלישע סוחרים, וועלכע רעפרעזענטירען די גרעסטע דעפארטמענט סטארס פון׳ם ענגלישען רייך, וועלען אין גיכען אפפאהרען פון ענגלאנד קיין אמעריקא, מיט דעם צוועק צו שטודירען די אמעריקאנער פארוואלטונגס־מעטאדען פון ריטייל סטארס. זיי וועלען זיין די געסט פון דער נעשאנאל דריי גודס אסאסיאיישאן.

סעקרעטערי אוו קאמערס אלעקס האט פארשפראכען צו געבען די געסט א קבלת פנים אין נאמען פון גאנצען לאנד און וועט זעהן אז דער האנדעלס־מיניסטער זאל ... ווי ווייט מעגליך זייער העלפען אין זייער שטודיום.

די געסט וועלען מאכען א טור אין א ספעציעלער קאר אין פאלגענדע שטעט: פיטסבורג, דייטאן, סינסינעטי, קליוולאנד, טאלידא, שיקאגא, סט. לואיס, קענזעס סיטי, לאס אנדזשעלעס, יאסמייט וואלערי, סאן פראנציסקא, פארטלאנד, סיאטעל, סאלט לייק סיטי, קאלאראדא ספרינגס, דענווער, אמאהא, מילוואקי, דעטראיט, באפאלא, ניאגרא פאלס און באסטאן, זיי וועלען אויך באזוכען וואשינגטאן און באלטימאר.

קאמף צווישען מעיאר און קאר קאמפאני אין פולען ברען

דער קאמף וואס געהט איצט אן צווישען דעם היגען מעיאר און דער קאר קאמפאניע, האט זיך אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע טעג צופלאקערט אין פולען ברען. די קאמפאניע האט פארעפענטליכט איהר פארשלאג צו די דעטראיטער בירגער, און זי איז ווילינג צו מאכען איינינע קאנצעסיעס, וועלכע זיינען אין קורצען ווי פאלגט:

1. די זאפארטיגע אויפבילדונג פון נייע ליניען. די דאזיגע אויסברייטערונג זאל געמאכט ווערען אויף 200 מייל, 50 מייל א יאהר. (דאס מיינט, אז די קאמפאניע נעהמט זיך פיער יאהר אויפצובויען די דאזיגע נייע ליניען)

2. די קאמפאניע פארשפרעכט נאך 350 מאטארס און „טרעילערס׳ צום איצטיגען „ראלינג סטאק״, און נאך 100 קארס אין פארלויף פון די קומענדע דריי יאהר. אלע קארס זאלען זיין איינגעריכטעט און אויסגעשטאטעט אויף א מאדערנעם אופן.

3. 5 סענט „פעיר׳ מיט טראנספערס צו אלע טיילען פון שטאט, וועלכע וועלען אויך גילטען צו אנדערע טעריטאריעס, וועלכע זענען, אדער וועלען זיין, אנעקסירט צו דער שטאדט.

4. א געמיינשאפטליכער ראט פון דער שטאט און דער קאמפאניע זאל האבען די פולע קאנטראל איבער דער אפערירונג פון די קארס.

5. אלע פינאנציעלע סכסוכים צווישען דער קאמפאניע און דער שטאט, זאל איבערגעגעבען ווערען צו א באורד אוו ארביטריישאן, ערוועהלט פון ביידע צדדים.

6. די קאמפאניע גיט אויף אלע איהרע עקזיסטירענדע פריוויליגיען. אלעס וועט זיין אפהענגיג אין דעם געמיינשאפטליכען ראט.

7. די קאמפאניע זאל קריגען א פראפיט פון 6 פראצענט פון אלע איהרע אינוועסטמענטס אין שטאט־ליניען.

8. די קאמפאניע איז ווילינג צו פארקויפען איהר סיסטעם צו דער שטאט אין פארלויף פון אירגענד וועלכער צייט, ווען דער אגרימענט וועט זיין אין קראפט. דער פרייז זאל באשטימט ווערען פון א באארד אוו ארביטריישאן. דער אגרימענט טאר ניט האלטען לענגער ווי 30 יאהר.

קאמפאניעס פארשלאג א באליידיגונג פאר דעטראיט. זאגט מעיאר קאוזענס.

„דער אפער פון דער „די יו אר״, איז א באליידיגונג פאר די בירגער פון דעטראיט און עס לוינט זיך אפילו ניט צו קאמענטירען וועגען איהם.״ —

אט אזא ערקלעהרונג האט געגעבען געמאכט מעיאר קאוזענס, נאכדעם אין באצוג צו דעם נייעם אפמאך, וואס די קאמפאניע שלאגט פאר די בירגער פון דעטראיט.

„ווען ניט דער פאקט, האט דער מעיאר פארטגעזעצט, „וואס דעטראיט האט א גרויסע צאהל נייע בירגער, וועלכע זיינען ניט באקאנט מיט דער אומעהרליכקייט פון דער „די יו אר״, וואלט איך אפילו וועגען דעם אווארט ניט פארלוירען.

פאר דער קאמפ איז קיין אפמאך ניט בינדיג, ווייל זי וויסט ניט פון האלטען קאנטראקטען. דאס קען מען זעהן פון א סטייטמענט וואס די קאמפאניע האט געמאכט, אז זי וועט קעמפען געגען דער שטאט׳ס איבערנעהמונג פון די פארט און וואודוואורד קאר־ליניען, ניט אכטענדיג וואס דער סופרים־קאורט האט אזוי געפסק׳עט.

דער מעיאר געהט דערנאך אריין אין פרטים. ער מאכט צונישט אלע איהרע פארשפרעכונגען און לויט זיין מיינונג איז דיעזער פארשלאג „א נייגעפלאטער „האלד אפ״ אויף דער שטאט מצד דער קאמפאניע״.

זאגט ווילסאן ליידעט אויף אונהייל־בארער קראנקהייט

אין א רעדע וואס מר. לינן העינס פון וואשינגטאן, רעדאקטאר פון דער „סוירטשלייט״ האט געהאלטען לעצטען זונטאג אין סענטראל האיסקוהל, האט ער געזאגט אז פרעזידענט ווילסאן בלייבט א שטענדיגער אינוואליד. ער ליידט פון אן אומהיילבארער קראנקהייט, וואס צעברעכט איהם פיזיש און גייסטיג.

ווען איינינע נייגעריגע צוהערער האבען געפרעגט דעם רעדנער, אין וואס עס באשטעהט ווילסאנ׳ס קראנקהייט, האט ער זיך אנטזאגט צו ענטפערען אויף דער פראגע.

„איך בין אין א זעהר דעליקאטער לאגע — האט דער רעדנער געענטפערט. — איך האב געקראגען אינפארמאציע מכח דעם פרעזידענטס קראנקהייט פון „הויכע ספערען״, אבער איך גלויב, אז איך וועל ניט זיין אם פלאץ, ווען איך וועל ארויס מיט דיטאלען. די יעניגע וואס שטעהן נאהענט צום פרעזידענט, האלטען פאר ראטזאם צו האלטען די זאך בסוד.

אפגעשטעלט האט זיך מר. העינס אויף דעם פרעזידענטס געזונט־צושטאנד בדרך הגב. די הויפט טעמא פון זיין רעדע איז געווען: „די איצטיגע סאציאלע און עקאנאמישע לאגע אין די פאראייניגטע שטאטען. ער האט רעקאמענדירט שטארקע ענדערונגען אין דער נעצגעבונג און אין דער אינערליכער פאליטיק.

„עס זיינען האט ער געזאגט — פאראהאן צוויי מעגליכע וועגען ווי אזוי ארויסצוקריכען פון דעם געזעלשאפטליכען כאאס, וואס הערשט איצט ביי אונז אין לאנד. איינער איז א רעוואלוציע, וואס זאל מיט געוואלד ארונטערווארפען די היינטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג, ווייל איך גלויב ניט פאר א מאמענט, אז די איצטיגע ארדנונג מעג בלייבען אזוי ווי זי איז.

„דער צווייטער וועג איז, אויסערגעוועהנליכע עקזעקוטיווע מיטלען וועלכע זאלען זיין גאנץ אנדערש ווי די יעניגע וואס האבען אונז אצי ענטריסטעט אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר״.

ביי דיעזען פונקט האט דער רעדנער זיך אפגעשטעלט אויף ווילסאנ׳ס קראנקהייט און אויפגעוויזען, ווי פיעל דאס לאנד האט דערפון געליטען.

„דער קאנגרעס, ווי ער איז יעצט צוזאמענגעשטעלט — האט מר. העינס ווייטער געזאגט — איז ניט געניג פעהיג צו רעפרעזענטירען דאס פאלק. עס ווענדט זיך אן די וואוטערס אין די קומענדע פעדעראלע וואהלען צו ערוועהלען די ריכטיגע מענער אין פרויען״.

ער האט אויך אטאקירט די איצטיגע פארם פון קאנגרעס, וואו יעדער מיטגליעדער ווערט א געצייג אין די הענט פון פאליטישען באס. ער האט רעקאמענדירט, אז אנשטאט צוויי הייזער (קאנגרעס און סענאט) זאל פארמירט ווערען איין לעדזשיסלייטשור פון ארום 150 מיטגליעדער, צוזאמענגעשטעלט פון די בעסטע מענשען פון לאנד.

אין מארגענדיגען נומער „וועג״

דר. יעקב גרינפעלד — דער פיעלד סעקרעטאר פון׳ם אוקראינער פארבאנד שרייבט אין מארגענדיגען „וועג״, און אפהאנדלונג וועגען דער פילאדעלפיער קאנווענשאן.

אין דעטראיט איז איצט אן עסק מכח דעם סכסוך צווישען דעם מעיאר און דער קאר קאמפאניע; — צווישען מישיגאן און מינעסאטען סטייטס וועגען קוילען; חוץ די קלענערע עסקים ווי ״טייטע ראדיקאלען, האלד אפס וכדומה — דאס אלעס גיט אויס ישראלי אלס א טעמא אין זיין מארגענדיגען „דעטראיט אויף דער לינקער זייט״.

איינדרוקספאל זיינען געווען די רעדעס און סצענעס אויף דער ציוניסטישער קאנפערענץ פון׳ם אקציאנס קאמיטעט אין לאנדאן און די רעדעס אויף דעם באנקעט — לייענט וועגען דעם דעם סוף פון די באריכטען אינ׳ם מארגענדיגען „וועג״.

אין וואספער ציונ לעבען מיר? אלע פעלקער שמיעדען איבער זייערע אקער־אייזענס אין שווערדען און ביקסען און צו וואס דאס פיהרט אין אומציוויליזירטע מקומות — וועגען דעם שרייבט דער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין אין זיין מארגענדיגען עדיטאריעל.

א דעטראיט׳ער יונגערמאן פרעגט צו זיינע עלטערען מעגען זיך אריינמישען ווען ער וויל חתונה האבען אן אלמנה מיט 2 קינדער — ב. י. ג—ן ענטפערט דעם פארלעגטען בחור אין זיין עדיטאריעל אויף דער לעצטער זייט.

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען

פאר דיימאנדס און אלערליי דזשולערי

צאהלט

The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

פארלאנגט א באי, 17 אדער 18 יאהר אלט, צו ארבייטען אין א מענ'ס קלאר־דינג סטאר, און זיך לערנען סיילעס־מענשיפ. וועט קריגען באצאהלט און לערנען, שטענדיגער פאזישאן. מוז האבען רעפערענס. פרעגען 355-57 מישיגאן עוו. טעל. טשערי 1311 (17

קלאדינג און דזשענטס פארני־שינג סטאר, גוט איינגעטרייטעטער סטאר, צו פארקויפען אין אן ארביטער געגענד. זיכער א לעבען צו מאכען. אורזאכע — פארלאזען דאס לאנד, ביי־ליג רענט. פרעגט נאך 1693 ראסעל סטריט, ס. סינעמין. (21

לענדלארדס אויפמערקזאם !
פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, ליי־סען, אדער רענטען פאר ווייסע און ניג־ראס. **האריס און לואיס**, 481 אנ־טווין סט., טעל טשערי 80:4 (19

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר־ביטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־טערארישע אווענטען קאנצער־טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

באקאנטמאכונג !
מר. אלטער קאצער
דעטראיט'ס בעסטער מוהל פאר די לעצטע 20 יאהר, לאזט וויסען דאס פובליקום, אז ער האט געמופט פון 263 פאר־ראנסווארטה צו 140 מערבערי קארנער בראש. טעל. מארקעט827.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום !
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשולערי סטאר.

וואדע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קווילטס, פענסי דריי־גודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

דזשולערי סייל
אונז איז געבליבען פון קריסטמאס סטאק מענער און פרויען גאלדענע און גאלד שפילטע
זייגערס
מענער און פרויען גאלדענע אלערהאנטיקע מיט און אהן שטיינער.
רינגען
גאלדענע בראטשעס מיט אמתע קעמיאס ספעציעלע ביליגע פרייזען אויף אראנזש, בלאסאם, ווייסע, געלע און גרינע
קדושין רינגלאך
גרויסע מציאות אויף דיאמאנטען
The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold Street
3טער פלאר, נעמט דעם עלעוויטער.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל
אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.
פריימס, בארדס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגליכט. געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיינעמעלד.
רעדאיאטארס פעריכט און אבערגעבילד, און עקסטשעדזשעט
MichiganRadiator & Fender Repair Co.
723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 776

אינגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס:
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס און
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באעלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

INJECTION BROU
דיא קאנישע בעהאנדלונג
ריקעס — שנעל — עפעקטיוו
פאר די הארטנעקיגסטע פעלע
פארקויפט ביי אלע דראגיסטען

נין יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע־סיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

פארלאנגט אגענטען סוב־סקרייבער פאר'ן „וועג". ליבע־ראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון „וועג".

קוואסעלאוו און קאטליערס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נאטי נודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז 3595 דאבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט אש און גאר־בעדזש, סעמענט רעפעטיקעלס, ווייל פון 1־טען מארטש ווערט די פרייז געהע־כערט
ווארט ניט ביז די באארד און העלט וועט אייך באדערען.

JUDGE GAINEY

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע
ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

און ער האט מיט איהרהתונה געהאט, געהאט מיט איהר קינדער און ליעב גע־האט זיין הויז מיט זיין וויב און קינדער; די מאדאם לעדערבארג האט זיך גערע־כענט ביי זיך פאר איין אויפגעקומענער גביר'טע און האט געדאנקט און געלויבט גאט וואס ער האט זי באגליקט, און שטענדיג רעכענען אז דאס וואס איהר מאן פארדינט א סך געלט איז דאס איהר מזל, ווארום אידישע פרויען שרייבען זיך שטענדיג צו אז „פרנסה" איז געוועזן אין די ווייבער א מזל.

ווען זי פלעגט קומען אין דער שול פלעגט זי טאקע ניט אויפהערען בעטען גאט אז גאט זאל איהר מאן באשערען מיט א סך פרנסה, — איהר מזל פארגרע־סערען א. ז. וו. —

ווי איך האב פריהער געזאגט האט זיין וויב געהאלטען איהר מאן פאר א סוחר, און א מעקלער, וואס פארדינט אין נאס [...]ן ווען גאט באשערט זיי גלייך מיט אלע אידען.

בכלל אין אלע אנדערע זאכען האט זיך לעדערבארג געפיהרט ווי א שטילער עהרליכער מענש גלייך מיט אלע. נאר אין זיין מסחר — בעת ער פלעגט ארביי־טען אין זיין געשעפט פלעגט זיך דער מענש איבערבייטען ניט נאר אויף א וואלף אויף א פוקס נאר אויף א בייזען טיגער אדער אויף א גיפטיגער שלאנג. —

פיאדאר איוואנאוויטש ראבאווסקע (דעם רייכען אדעסער פאדריאדשיק זוהנ־דעלע) איז אויך געוועזן א שעפעלע פון לעדערבארג'ס גרויסער טשערעדע. נאך ווען דאס פאנסקע קינד פיאדאר איז אלט געוועזן פופצעהן יאהר, האט איהם לע־דערבארג אריינגענומען אין זיין טשערע־דע מיט אזא אופן ווי איך האב פריהער באשריבען, לעדערבארג איז געוועזן זיין פאדריאדשיק פון שעהנע מיידלעך און דערפאר פלעגט ער פון פיאדאר'ן שערען די וואל אז ער איז עלטער געווארען און האט שוין ניט גייטיל געהאט אין לעדער־בארג'ס טובות, ווען ער האט אנגעהויבען פארשטעהן ווי לעדערבארג פלעגט זיינע קעשענעס שרעקליך עקספלאאטירען, און באדעכענט אז אליין אהן זיינע טובות, וואלט איהם געקאסט א סך ווענועלער, האט ער זיין פאדריאדשיק אין גאנצען אוועקגעווארפען.—

ער האט זיך מיט איהם שוין ניט גע־זעהן א יאהר צוויי און וואלט זיך אפשר שוין מיט איהם מעהר ניט באגעגענט, ווען ניט דורך א באזונדערען צופאל, וואס פיאדאר האט באדארפט זעהר נייטיג נאך אמאל לעדערבארג'ס לאסקע. —

פיאדאר האט זיך אזוי גיך ניט גערע־שעט נאך אמאל אנקומען צו דעם ראזבוי־ניק (ווי ער פלעגט איהם רופען), ווען ער פלעגט זיך דערמאנען ווי ער האט איהם אויסגעלעדיגט די קעשענעס) נאר גאר פיעל טראכטען האט ער באשלאסען, אז דורך קיין אנדערן וועט ער עס ניט אויס־פיהרען, נאר דורך איהם, אז איז באלד אויף מארגען (נאך דעם אווענט ווען ער איז געפאהרען מיט זיין כלה פון טעאטער [...] בוכוואר), געפאהרען אויף דער „קאנאטנע". נאר ווי דערשראקען איז ער געווארען ווען זיין פרוי האט געזאגט אז איהר מאן איז אין וועג און ווען ער וועט קומען ווייסט זי ניט, נאר געוויס גיך. —

מיט פארביסענע ליפען האט ער ארויסגענומען זיין קארטאטשקע און אויף דער צווייטער זייט אנגעשריבען:

„ה' לעדערבארג ! מיר דארפען זיך נויטיג זעהן, ווי איהר וועט נאר קומען, זאלט איהר מיר מודיע זיין". —

די קארטאטשקע איז אזוי אוועקגע־לעגט געווארען אויפ'ן טיש עפעס מעהר פון א חודש ביז לעדערבארג איז אנגע־

קומען. פיאדאר איז געוועזן אויסער זיך פון זיין ניט קומען, נאר עס האט גאר ניט געהאלפען, ער האט שוין געפרואווט אלע מיטלען אהן לעדערבארג'ן נאר ער האט גארנטי אויסגעפיהרט.

מיט גרויס פרייד, האט פיאדאר אין א שעהנעם פריה מארגען באקומען דורך דער טעלעפאן א קליין פארמאבט ברי וועלע:

„ה' פיאדאר איוואנאוויטש: היינט צענען אבענד ערווארטע איך אייך אין „סיוועדנע גאסטיניצע".

דאס איז איינער פון די רייכסטע און שעהנסטע אדעסער האטעלען. —

לעדערבארג, האט קיין מאל זיינע שע־פעלעך און אפילו זיינע סוחרים ניט צו־גענומען ביי זיך אין הויז רעדען פון גע־שעפט, שטענדיג אדר אין א טראקטיר, א וויין קעלער, אדער אין א האטעל.

דעם מענשענס הארץ

פיאדאר איוואנאוויטש האט זיך שוין פאר א האלבע שעה געדרעהט אין דער אפיטעל זאל"; צום צווייטען מאל האט ער זיך געזעצט ביי א באזונדער טי־שעל און זיך געהייסען דערלאנגען א צווייטע גלאז טעע.

די טהעע איז אבגעשטאנען א גוט פערטעל שעה, ביז ער האט זי באמערקט אז זי איז קאלט געווארען, מיט צוויי ווס האט ער אויסגעטרונקען די קאלטע גלאז און ווי מיט כעס זי אוועקגעשטעלט ווייט פון זיך, פונקט ווי די גלאז טהעע האט איהם געשטערט זיינע געדאנקען און וועלכע ער איז געוועזן שטארק פאר־טיעפט. עס איז געוועזן איבריג דעם טישער וואס איז געשטאנען לעבען איהם, דאס בענקעל אויף וועלכען ער איז געזע־סען און זאל, עס האט זיך איהם אויס־געוויזען אז אלעס און אלע קוקען אויף איהם פארדעכטיג: —

ווען דער דינער האט צוגענומען די גלאז און געפרעגט אויב ער וויל עפעס נאך, האט ער געענטפערט:

— ניט פאר מיר א באזונדער צי־מער, איך וויל זיך אפרוהען.

דער דינער האט איהם פריהער באר־טראכט פון קאפ ביז צו די פיס, נאר ווען פיאדאר האט ארויסגענומען צוויי רובעל און געזאגט: „פאר צוויי רובעל א צי־מער". האט ער איהם באלד ארויפגע־פיהרט אויף די טרעפ פון דעם דריטען עטאזש, וואו ער האט איהם אפגעגעבען א צוויי־רובעלדיגען נומער.

דער דינער האט דארט אנגעצונדען דעם לאמפ, געפרעגט צו דארף ער נאך עפעס און געוואל טאוועקגעהן. נאר פיאדאר האט איהם פלוצים אפגעשטעלט ווי גלייך ער האט זיך אן עפעס ווייכטיגעס דערמאנט.

— די וועסט ביי מיר באקומען א רו־בעל אויף „טשאי", — ווען איינער וועט קומען און פרעגען אויף ראבאווסקען זאלסטו איהם אנווייזען צו מיר אין נו־מער.

מיט די ווערטער האט ער איהם גע־געבען איין רובעל און דער דינער איז זיך ארויסגעגאנגען; פיאדאר איז געבליבען אליין און עס האט זיך איהם געגעבען א גריננען זיפץ, נאר באלד, ווי זיין שטי־נער איז געוועזן ווען ער האט זיך פאר־

טראכט, האט ער אנגעהויבען צו שפאנען איבערן צימער, אלע מאל זיך אבגעשטעלט און אנגעהויבען רעדען מיט זיך די ה. זיין הארץ האט אין איהם גערעדט—

עס איז ניט דא קיין שרעקליכעס פאר דעם מענשען ווי זיין אייגען הארץ — טוט דער מענש עפעס גוטס פרעהט זיך מיט איהם דאס הארץ, נאך מעהר וויפיעל ער וויל זיין פרעהליך נאך מעהר וויפיעל גוטס ער האט געטהאן, טוט דער מענש שלעכטס און כאטש מיט זיין שכל, מיט זיינע געדאנקען פוילט ער ביי זיך עס זאל איהם גארניט ארען, דאס הארץ אבער לאזט ניט רוהען, עס מוטשעט, אזוי, אז ניט איינמאל טרעפט זיך אז דער מענש איז גרייט אויף זיך נעמען אלערליי שלעק און צרות איידער איין שעה איבערליידען פון זיין אייגען הארץ.

אט וואס א מענשענס הארץ איז ! צו באשרייבען דעם מענשענס הארץ, אפילו א הארץ פון דעם נידריגסטע מענשען, דארף מען זיין ניט קיין בשר ודם ווי מיר זענען, מען דארף זיין העכער, העכער „נעהענטער צו גאט". אין אנדערע שפראכען קען מען זיך אויסדריקען אנ־דעריש, אז מען זאל ניט דארפען זיין צו א נאהענטער מחותן א גאט" נאר אין

וישארגאן האב איך זיך אנדערש ניט גע־קענט אויסדריקען. דעם מענשענס הארץ איז אזוי גרויס, אזוי ברייט און לאנג, עס צוציהט זיך אזוי ווייט וואס ניט מיט דעם מענשענס אויגען, ניט מיט זיין שכל, קען מען אלעס זעהן, אלעס באמערקען דאס וואס מען וואלט געקענט זעהען און באמערקען. —

מיר זעהען א מענשען ער איז שטיל, ער רעדט קוים, מען הערט קוים צוא ער געפינט זיך ארום אייך, און עס קומט גאר ניט אויף אז דארט ביי איהם אין הארצען איז א גאנצע מלחמה, אן אייביג מלחמה, טייכען בלוט פארגיסט זיך דארט אלע מינוט !.. און אט די גרויסע מלחמה איז פאר די איבעריגע מענשען פארדעקט פארקאוועט מיט הונדערטער טירען; נאר יעדער מענש פיהל וואס עס טוט זיך ביי איהם אין הארצען. —

נאר לאמיר זיך אוהערען וואס עס טוט זיך ביי פיאדאר'ן אין הארצען; דאס וואס דאס הארץ זאגט, רעדט און טענה'ט מיט דעם מענשען, קען קיינער ניט אי־בערגעבען, ער קען נאר רעדען מיט זיך אליין און מיר קענען זיך נאך אונטער־הערען.

(פארטזעצונג פאלגט)

די מאדערנסטע הייל מעטהאדען פאר פליכעוואטע
איז עס מעגליך אז האר זאלוואקסען אויף א פליך ?
דאס איז די אייביגע פראגע

אפילו די מאנופעקטשורערס פון די בעסטע אדווערטייזטע היילמיטלען פאר האר וואקסען, זאגען, דאס די ווארצלען פון די האר זיינען טויט, ווען די מיטלען זייע־רע ברייגנען ניט דעם געאונשטען רעזולטאט. עס איז נאר דא איין מיטעל ווי אזוי צו מאכען אז האר זאלען וואקסען אויף א פליכעוואטען קאפ און דאס איז:

היילט זיך מיט דער נאטור

גרין'ס רעצעפטען וועלכע זיינען גע מאכט פון נאטירליכע גראזען און אנדע־רע נאטור־זאכען זיינען אזוי ווירקזאם פאר האר וואקסען ווי די מוטער־נאטור זעלבסט. עטליכע באהאנדלונגען וועלען אייך איבערצייגען ווי גוט עס ווירקט **גרין'ס** מיטעל פאר פליכעוואטע, פאר די ביי וועלכע די האר פאלט אויס און ווי אויך פאר קאפ שמערצען.

S. Green

769 בוביען סטריט — דעטראיט מיש.

דער באוואוסטער ..
ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
אויך אנדערע שמחות מיט די בעסטע עפרידענהייט.
5?1 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען־פיקטשור אפרייטארס
לערנט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג
7:30 אבענד.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואו קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקייל רעדזשיסטערס, נייע און געוזטע פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד לונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער העננגינג
דעקאריישאן און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען

ווילט איהר אייערע שלעסער, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט ?
טו קומט צו
מ. דאמגיטץ
245 מאנטקאלםסט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציין
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
נעמופט פון 427 וואודוואַרד
737 אוקלאנד עוו.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע־מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פרובירט א הייגט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט הבאן. פארערט דר־דאנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

וועלט איהר



סיוועון 30 פראצ. ?
ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוס ראגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעם וואס איהר דארפט פאר אייער הויז קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראז 4985

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
זענט איהר קויפען אלעם פון די פאר גענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס, פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קוירטענס; טייבעל קאווערס; שעטס א־סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.
ספעשעל !
א גרייסער אפארטמענט אין וואשענס באט, מענער און בייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

יער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

אינטעליגענטען

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

אין דער זעלבער וואך האבען הורוויץ און אידא זיך איינגעקויפט מעבעל און האבען זיך איינגעארדענט באקוועמע פינף צימערען, און ביידע האבען געפי־ נען פריינדשאפט און ליעבע איינער ביים צווייטען און רבקהלע איז געווארען גליק־ ליך מיט איהר מאמא און פאפא.

קאפיטעל כ"א
דאס עביגע ליעד

מלכה'לע האט געשפיעלט מיט די אינגלעך אויפן גאס ביז זי איז אלט גע־ ווארען אכטצעהן יאהר און דאמאלס האט זי זיך מיט מישאן אנגעטראפען. בעת מישא האט זי צום ערשטען מאל באגע־ גענט זיצענדיג אויף דער וועראנדא פון איהר פאטערס הויז אין א לאנג ווייס קלייד. די דיקע צעפ, פערפלאכטען מיט א בלויער סטענגע און אריבערגעווארפען אויפ'ן הארצען. און איהרע שווארצע גרויסע אויגען האבען געקוקט אויף איהם אזוי מילד, בעת ער איז פארביינגעגאנגען מיט דעם וויאלין קאסטען אונטער דעם ארם, איז דערפון איהרע בליקען פער־ בשופ'טע געווארען און איז געשטאנען אנטקעגען איהר א פאר מינוט און האט נים אראפגעלאזט איין אויג פון איהר.

ער איז געווען דער ערשטער פאר וועמען זי האט זיך אינסטינקטיוו פער־ שעהמט, כאטש עס איז ניט געלעגען אין איהר טבע.

זי איז אריינגעלאפען אין שטוב אריין ניט קענענדיג אויסהאלטען זיין בליק, יעדער איז געווען אזוי טיעף, די גאנ־ צע נאכט האט זי געטראכט פון איהם.

אין א פאר טעג ארום האט ער וויע־ דער פארביינגעגאנגען און זייט דאן האט זי איהם שוין געזעהן כמעט יעדען טאג אין דער זעלבער צייט.

איינמאל בעת דער פאטער איז גע־ זעסען אין דרויסען האט איהם מישא פארבייגעהענדיג באגריסט.

— טאטע, דו קענסט איהם? — האט זי זיך איינגעשטעלט און האט בלאך'ן א פרעג געגעבען.

— יא, — האט בלאך געענטפערט — ער איז זעהר א וואויל אינגעל!

— וואס איז ער א פידעל־שפיעלער — האט זי זיך נייגעריג ביי איהם נאכ־ געפרעגט.

— יא, ער שפיעלט זעהר שעהן!

— ברענג איהם אמאל ארויף צו אונז! — האט זי זיך ביים פאטער געבעט־ טען.

— דו ביסט דאך א מיידעל! — האט ער איהר מילד געענטפערט — באקען

נור מלכה איז שוין דאמאלס געווען אן ערנסט מיידעל און זי האט דעם פא־ טער געגעבען צו פארשטעהן אז זי קען דאס ניט טאן.

— איך קען ניט עס פאסט ניט! — האט זי געשמייכעלט און האט זיך צו־ געזעצט נאהענט אויף א שטוהל לעבען פאטער — אז דו קענסט איהם, מעגסטו איהם אמאל פארבעטען צו אונז!

דער פאטער האט איהר דאס פער־ שפראכען, פון יענעם טאג אן האט זי יעדען טאג אנגעהויבען ארויסקוקען אויף איהם, ביז איינמאל אין א זונטאג פאר־ נאכט איז ער פארביינגעגאנגען. בלאך האט איהם אפגעשטעלט.

— מישא, קום ארויף אביסעל אין הויז אריין.

מישא האט זיך אביסעל געלאזט בע־ טען. עפעס האט ער געפיהלט אז דאס הארץ זיינס וועט ניט זיין אינגאנצען רו־ היג, צוליעב דער מיידעל, וועלכע האט אויף איהם אזא טיעפען איינדרוק גע־ מאכט מיט איהרע גרויסע שווארצע אוי־ גען, דאך איז ער געווען צופריעדען אין ער האט איינגעווילינט.

באקען זיך מיט מיין מלכה'לען — האט דער פאטער איהם ערמונטערט און האט מלכה'ן צוגעפיהרט צו איהם.

— מיין נאמען איז מישא! — האט ער א זאג געגעבען, רויט ווערענדיג און האט איהר אויסגעשטרעקט זיין צארטע דעליקאטע הענטעל, מיט די לאנגע אויס־ געצויגענע פינגער.

— פרעהט מיך זעהר! — האט איהם מלכה'לע אפגעענטפערט און אויף איהרע באקען האבען געבליהט צוויי רויטע רע־ זעלעך.

זי האט דערלאנגט טהע, דער פאטער איז געזעסען און האט מיט איהם גע־ פיהרט א געשפרעך און זי איז שטיל געזעסען אנטקעגען איהם. דאס הארץ איהרס האט שטארק זיך געהויבען ארויף און אראפ און בי יעדעם מאל, ווען מישא'ס אויגען האבען זיך אנגע־ טראפען מיט איהר בליק, האט זי זיך שטיל פאנאנדערגעשמייכעלט. דער שמיי־ כעל איז געווען פול מיט רייץ און חן.

— איך האב דיין טאטען גוט גע־ קענט! — האט בלאך איהם א זאג גע־ געבען — א מערקווירדיגער מענש.

— עס איז בעסער ניט צו רעדען פון איהם! — האט מישא אראפגעלאזט דעם קאפ און האט א מאך געטאן מיט דער האנד.

פון דעם דאזיגען ענטפער האט בלאך פארשטאנען אז מישא'ן איז ניט שטארק אנגענעהם צו רעדען פון פאטער און ער האט איבערגעביטען דאס גע־ שפרעך.

— פארדינסטו שוין גענוג צום לע־ בען? — האט בלאך נאך עטליכע מינו־ טען שטילשווייגען איהם א פרעג געטאן פריינדליך און האט אויסגעשטרעקט זיין ציגאר קעסטעל.

— דאנקע שעהן, איך רויכער ניט! — האט ער געענטפערט.

— מערקווירדיג! — האט בלאך א קלעהר געטאן.

— זיין פאטער איז געווען א ליי־ דענשאפטליכער רויכערער. מישא, גרא־ דע ווי ער וואלט לעזען בלאך'ס געדאנק, האט זיך אנגעבייגען און האט בלאך'ן א זאג געגעבען:

— איך געה ניט אין זיינע וועגען, איך בין געווען אונטער מיין מוטערס איינפלוס.

— דאס בין איך אמת צופריעדען צו הערען! — האט בלאך געענטפערט און האט אריינגעכאפט מישאס האנד. און ווי האבען אנגעהויבען רעדען וועגען דער מוטער.

— דאס איז געווען א בריליאנטענע פרוי! — האט בלאך גערעדט — וואס ווייסטו וויפיעל זי האט געליטען אין איהר לעבען!

— איך ווייס, איך ווייס צופיעל! — האט מישא אין א טרויער טאן גערעדט — זי האט איהר זינגען פארלארען דורך איהם, ווען דאס שוועסטערל איז מיט פינף יאהר צוריק געטויטעט געווארען דורך אן אונגליק.

און ער האט אנגעהויבען דערצעהלען זי אזוי זיי זענען דאן ביידע געגאנגען פון שוהל און ווי דער אונגליק האט פאר־ סירט.

בעת ער האט אנגעהויבען דערצעה־ לען ווי אזוי די מוטער האט דערנאך פערלארען איהר פערשטאנד, און איז אין עטליכע חדשים ארום געשטארבען אין א משוגעים הויז, האט מלכה'לע זיך שטיל צעוויינט.

— וואס זשע וויינט איהר קינד? — האט מישא א זאג געגעבען — מען דארף אין לעבען צו אלעם געוואוינט ווערען.

— ווייסט דאך, זי האט אויך קיין מוטער ניט! — האט בלאך זיין קינד פארענטפערט.

ווען מישא איז אויפגעשטאנען, האט איהם בלאך א זאג געגעבען — מלכה'לע שפיעלט אביסעל פיאנא. — אויב דו ווילסט שפיעל פאר איהר אויף דעם פי־ דעל און זי וועט דיך באגלייטען.

— היינט ניט! — האט ער זיך ענט־ שולדיגט — אן אנדערש מאל, וועל איך צו אייך ארויפקומען, וועלען מיר שפיע־ לען!

— איך וועל זיין זעהר צופריעדען! — האט מלכה א גליקליכע איהם בא־ דאנקט — ווען וועט איהר קומען?

— מעגליך, קומענדען זונטאג. מעג־ ליך אין א מיטען וואך, ווען איך וועל ניט זיין פארנומען — האט ער געענט־ פערט.

אין א פאר טעג איז מישא ווידער געקומען. ער האט בלאך'ן גראדע ניט געפונען אין הויז. ער האט זיך אויף איהם נאכגעפרעגט, עפעס ווי ער וואלט גע־ וואלט געפינען אן אויסרייד.

— ער וועט באלד זיין צוריק! — האט מלכה'לע צופריעדען געענטפערט — זיצט!

און אין עטליכע מינוטען ארום ווען זי האט אוועקגעשטעלט טהע אויפ'ן טיש האט זי זיך שוין געפיהלט אביסעל היי־ מיש'ער מיט איהם.

— איך האב זעהר ליעב מוזיק, איי־ בערהויפט פידעל! — האט זי איהם א זאג געגעבען.

ער איז געווען זעהר צופריעדען, האט איהר פערשפראכען צו שפיעלען נאכדעם ווי דער פאטער וועט אריינקו־ מען.

און ווען בלאך איז אריינגעקומען האט ער זיך מיט מישא'ן שטארק דער־ פרעהט.

— האסט געהאלטען ווארט! — האט בלאך צופריעדען איהם געדריקט די האנד — א ווארטסמאן האב איך ליעב!

מלכה'לע איז געזעסען און האט זיך איינגעהערט צו זיין שפיעלען. דאס גאנ־ צע בלוט אין איהר קערפער האט זיך איהר אריינגעגאסען אין געזיכט אריין. ער האט געשפיעלט אויף דעם פידעל, ווי אן אמת'ער קינסטלער. זי האט איהם באגלייט, האט זי געגעסטארעט צו זיין רוהיג, נור זי האט געפיהלט אז זי קען זיך ניט קאנטראלירען און שפיעלט ניט נאך דער מוזיק, וואס ליעגט פאר איהר געבען דער פיאנא אנטקעגען פנים. ער האט זי מיטגעטראגען אויף זיינע פאנ־ טאסטישע פליגעל.

בלאך איז געזעסען אנטקעגען זיי און איז געווען ענטציקט. ער האט אין דעם דאזיגען שפיעלען געהערט דאס עביגע ליעד, פון דער יוגענד וואס איז ריין און אומשולדיג. ער איז געווען אזוי גליק־ ליך.

ער האט ניט געהערט ווען זיי האבען ביידע אויפגעהערט צו שפיעלען. ער האט זיך אויפגעכאפט און ער האט געזעהן, ווי זיין מלכה'לע האט אויף מישא'ן געקוקט מיט גרויס דאנקבארקייט. איה־ רע אויגען זיינען געווען איבערפולט און האבען געלייכטען ווי צוויי ליכטיגע שטערען און אויך אין מישא'ס אויגען האט ער געלעזען אזוי פיעל צופריע־ דענקייט.

— דאס איז דאס עביגע ליעד פון ליעבע! — האט בלאך ווייטער גע־ קלעהרט.

ס'האט קיין ווערט נישט

די פויליש'ע פאליציי פון לובלין האט דארט פארבאטען פארצולעזען י. ל. פרץ'עס „ביינאכט אויפ'ן אלטען מארק", אויסער מ'זאל עס פא איהר איבערזע־ צען אויף פויליש.

אבער וואס פאר א ווערט האט דען א פוילישער מארק!...

קריעג און פריעדען

דער אמעריקאנער סענאט האט זיך ווידער אנגענומען צום פריעדענס אפמאך.

און, ווי געוועהנליך, קענען מיר וויע־ דער ערוואַרטען א „קריעג"... צווישען די סענאטארען...

ציון-קאמאנוועלטה
א צעהן טאג קאמפיין אין דעטראיט פאר אויסקויפען לאנד אין ארץ ישראל

דער בעקאנטער אידיש־ענגלישער פאעט

פ. מ. ראסקין

איז יעצט אין דעטראיט אלס פארשטעהער פון דער גרויסער ציוניסטישער לאנד־ אויסקויף געזעלשאפט ציון קאמאנוועלטה. יעדען אירען ווערט געגעבען די זעלטענע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל און עס אויסצאהלען אין א משך פון זעקס יאהר

א זיכערע און א נאבעלע אינוועסטמענט

פראקטישע ציוניסטישע ארבייט.

א גרויסע געלעגענהייט, וועלכע קיין איד זאל ניט פארנאכלעסיגען.

מר. ראסקין וועט גערען געבען אלע אויסקינפטע. זיך ווענדען האטעל פארט־ שעלבי.

דירעקטארען פון ציון קאמאנוועלטה:
רושארוש רושוליען וו. מעק.
מרס. פעלז,
ס. מארקוס פרעשהיימער
ישראל ב. ברוידי
בערנארד א. ראזענבלאט

ציון קאמאנוועלטה, 55 — 5טע עוועניו, ניו יארק.

אין א ווינקעל פון דעטראיט

א נייער ראמאן, ספעציעל געשריבען פאר'ן „וועג"

פון ב. איסאיעוויטש

אין דיזען ראמאן ווערט דערצעהלט אן אינטערעסאנטע פאסירונג פון א אידיש פאר פאלק, וואס איז פארבונדען מיט דעטראיט.

דער ראמאן איז שפאנענד פון דער ערשטער פארטזעצונג אן.

דער „וועג" באמיהעט זיך אפצושפיגלען אלע דעטראיט'ער ענינים, די דעט־ ראיט'ער אפטיילונגען אויף דער ערשטער פיידוש זיינען

„פון דעטראיט'ער געריכטס הויז"

„אויף דעטראיט'ער גאסען"

די אפטיילונגען אין די מיטעלדיגע פיידושעס, זיינען:

„דעטראיט אויף דער לינק ער זייט"

פעליטאנען פון ישראלי

— „דעטראיט'ער שפיגעל"

— אינטערעסאנטע פאסירונגען פון דעטראיט'ער אידישען לעבען, געשריבען פון

הרואה ואינו נראה

„לאמיר זיך דורכריידען" —

שמועס'לעך מיט דעטראיט'ער אידען פון

ר' ברוך'ל

„דעטראיט'ער צייטונגען וועגען דעטראיט'ער ענינים" —

די וויכטיגסטע עדיטאריעלע נאטיצען פון דער היגער פרעסע, איבערזעצט פון

ד. ראוויטש

„פון דעטראיט'ער צייטונגען" —

ארטיקלען און וועלכע עס ווערט איבערגעגעבען דער תמצית פון די עדיטא־ ריעלס פון די היגע צייטונגען מיט א מענטאר'ען פון

ז. ריזוקעזאן

REO

האט איהר שוין געזעהן דעם נייעם ריא זעקס סעדאן?

דאס שעהנסטע, קלאסישסטע וואס איהר קענט זעהן אויף אונזערע גאסען איז דער נייער ריא זעקס סעדאן.

מיר דענקען אז עס איז דער שעהנסטער עקיפאזש וואס דיא ריא שאפס האבען ווען געמאכט.

דעזין איז אלא מאד און דער פינים איז פאלקאם.

אינוועניג איז די קאר אין אלע הינזיכטען עטוואס וואס קיין בעסערעס קענט איהר ניט פארלאנגען.

אין קוואליטי און וואַרקמאנשיפ האלט עס אויס די מאטא וואס די ריא שטעלט זיך צום מאנופעקטשורען א קאר.

איהר וועט דארפען זעהן און טאקע פאהרען אויף אזא קאר און דאן וועט איהר קענען אפשאצען די קאר פאר עקסעלענץ

Detroit Branch 975 Woodward.

Phone Glendale 8175

Reo Motor Car Company, Lansing, Michigan

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

ווען די קריסטען זאלען קריסטליך זיין

אויף דער קאנפערענץ (לעצטען מאי) פון דער פראטעסטאנט עפיסקאפעליען קירכע, האט מר. וויליאם סמיטה, רעדאקטאר פון דעם רעליגיעזען ארגאן „דהי טשורטשמען" געהאלטען א פייערדיגע רעדע, אין וועלכער ער האט ביטער אנגעגריפען די גלחים.

אין זיין רעדע האט מר. סמיטה אפען באשולדיגט די פאטערליך פון דער קריסטליכער רעליגיע, אז זיי האבען פארנאכלעסיגט זייער פליכט. אז נישט נאר זיינען זיי נישט נאכגעקומען זייער אויפגאבע, נאר האבען נאך צערשטערט און באקעמפט דאס וואס זייער אויפגאבע איז צו בויען.

„אנשטאט דעם וואס איהר האט באדארפט פרעדיגען ליעבע און פארגעבונג, האט איהר גערעדט פון שנאה און נקמה און נישט נאר האט איהר אזוי גערעדט און געפרעדיגט אין די מלחמה־יאהרען נאר אויך איצט, אין צייט, ווען קיין מלחמה פיהרט מען שוין נישט מיט קיין אנערקענטען שונא, הערט מען נאך אויך אין די קירכען פרעדיגטען פון צארן און פיינדשאפט צו געוויסע שונאים און צו געגנער, מיט וועלכע מען האט פאליטישע חשבונות" — — —

אומגעפעהר אזוי האט מר. סמיטה געווארפען די גלחים א נאקעטען אמת אין פנים אריין.

און אויסגעפיהרט האט ער, אז אויב די קירכע וועט אזוי אראפגעהן פונ'ם דרך הישר, וועט זי מיט דער צייט אינגאנצען מעגע, אויפגעבען איהר קרעפטע. ווארים — זאגט ער — שוין איצט ווייבען פון דער קירכע נישט נאר אפיקורסים, נאר אפילו גוטע יאזוס'עס זיהן, וועלכע זוכען צו באפריעדיגען זייערע רעליגיעזע געפיהלען ערגעץ אנדערש.

און אפנים אז די קירכע האט געפאלגט.

זי האט אפנים ערנסט איינגעהערט דעם רעדאקטאר פונ'ם דער מאהנענדען רעליגיעזען ארגאן און — זי האט זיך גענומען זוכען מיטלען אזוי פרום צו מאכען . . . אמעריקא.

ענדע פאריגע וואך האבען מיר געלייענט א ידיעה, אז עס האט זיך געגרינדעט אין „אינטערטשורטש ווארלד מאוומענט אף נארד אמעריקא" א פאראייניגטע ארגאניזאציע, וועלכע האט איינגעשלאסען לער דרייסיג פראטעסטאנטישע אמונות און סעקטעס, וואס זיינען צעשפרייט איבער גאנץ אמעריקא. און וועלכע צעהלען א מיטגליעדערשאפט פון קארג צעהן מיליאן, און וועלען פון איצט אן טאן געמיינשאפטליכע רעליגיעזע ארבייט, וואס זאל רעליגיעז מאכען די אכט און פופציג מיליאן מענער און פרויען פון דעם גרויסען אמעריקא.

און צו הילף האבען דיזע הייליגע פאטערליך גענומען די צוויי פרומע פאליטישענס — אגב אורחא, ביידע ארויסגעווארפענע מיני־סטארען — לענסינג און ברייען. זיי זאלען אפנים העלפען אין דער הייליגער ארבייט וואס וועט פון דער לכתחילה (פינף יאהר בסדר) באשטעהן אין זאמלען א פאנד פון מיליאנען דאלאר.

לייידער לעגען די מענשען אפ אויף גאנצע פינף יאהר זייער פראבע אבער האפענטליך וועלען זיי אין דעם פינף יאהריגען משך זיך שוין אנשלאגען אויף דעם פאקט, אז רעליגיע פאדערט נישט קיין טראסט־ארבייט און קיין מיליאנען דאלארס אויף פאנדען.

די קירכע אין אמעריקא האט אלע גוטע מעגליכקייטען אויסצוניצען טערען די וועלט פון איהר שכרות פון האס און בלוט.

עס איז איצט א צייט ווען שטארקע פעלקער ווארגען איינס יעדע שוואכערע נאציע; די וועלט, די צעקאלעטשעטע אייראפא איז ענג מאטע ריאליסטיש. מיט כל ערליי אכזריות'ן צעדריקט מען דעם קאנקורענט; מיט קאלטבלוטיגער גרויזאמקייט קוקט מען צו ווי איין פאלק באריבט א צווייטעס; מיט אום'בחמנות'דיגקייט הערט מען זיך צו צו די געשרייען פון די באריבטע און געפייניגטע.

און עס ווערט וואס א שעה אלץ מעהר באשפיגען יעדער מענשליכער געפיהל און יעדע רעליגיעזע נייגונג; דער גאט פון דער קירכע איז געפאנגען פון א גאלד געשפענסט וואס טרייבט גאנץ אייראפא אין א העלישען אפגרונד, אין א גיהנום, פון וואנען נישט די הייליגע מאריע און נישט דער פינסטערער טייפעל וועט זי קענען ראטעווען.

די קירכע האט גארנישט געטאן אויף צו פארמיידען די קאטאסטראפע פון 1914—1918; זי האט קיינמאל נישט געלאזט הערען איהר שטים פון פראטעסט קעגען דעם געיעג נאך קאלאניעס, נאך מארקען; זי האט נישט באקעמפט די אימפעריאליסטישע אפעטיטען, דעם געיעג נאך גרויסע ארמעען, פלאטען וכדומה.

און זי טוט אויך איצט גארנישט אויף שוואכער צו מאכען דיזעלבע אפעטיטען, אויף איינצוגראבען דעם אימפעריאליזם, אויף צו פארקלענערען די ארמעען און פלאטען. און ווער קען דען פאראויסזאגען צו וואס דאס היינטיגע געיעג און משוגעת וועט דערפיהרען!

די קירכע זעהט און הערט ווי נאציאנען שוואכע, אומבאהאלפענע און אונבאוואפענטע בעטען רעטונג; זי הערט און זעהט די אומשולדיגע פעלקער צאפלען זיך צווישען די נעגעל פון איהרע אנהענגער און צאן קדשים — און די קירכע שווייגט.

ווערט דאס גאנצע אידישע פאלק אויף יענער זייט ים אויסגעמארדעט, צעשענדעט און צו משוגעת געטריבען און די קריסטליכע קירכע שווייגט.

הערט זי און זעהט ווי מען שיקט געוועהר צו האליגאנעס און באנדעס היידאמאקעס און די קריסטליכע קירכע עפענט ס'מויל נישט אויף.

זעהט זי און הערט פון טויזענדער חולאים וואס קומען אום פון כל ערליי אנשיקעניש'ן און עפידעמיעס, נאר דערפאר וואס מען דערלאזט צו זיי נישט קיין מעדיצין און די קירכע מאכט א שוויג.

וואס איז די קירכע? וועמען שטיצט זי? אויף וועמעס צד איז זי געשטאנען אין רוסלאנד, אויף וועמעס צד שטעהט זי איצט אין ענגלאנד, אין פראנקרייך, אין איטאליע, אין פוילען, אין אוקראינע אין רומעניען? שטעהט די קירכע אין דיזע אויסגערעכענטע לענדער אויף דער זייט פון מענשען־ליעבע, יושר, פריינדשאפט און פארגעבונג?

מיר, אידען, ווייסען דעם ענטפער אויף דיזער פראגע! מיר פיהלען גוט וואו די קירכע שטעהט און וועלכען צד זי פארטרעט.

און אפילו די אמעריקאנער קירכע, וועלכע איז נישט אפיציעל, האט זי דען מעהר געטאן ווי וואס ענגער צו פארציהען דעם שטריק אויף די העלדזער פון די, וואס געהערען צו אן אנדער רעליגיאן? די זינטאגס, די ...ישט אנערקענונג פון גאט'ן און עהנליכע ענגהארציגקייט איז דער בעסטער צייכען וואו די אמעריקאנער אומאפיציעלע קירכע האט איינגעפיהרט איהר ...ינסטעם און אויף וועלכען אופן זי איז טעטיג געווען.

וויל איצטער די קירכע אויף'דעמזעלבען פלאן שטעהן און מיט פארגלאצטע אויגען פרעדיגען רעליגיע; זי וועט זיך פאראייניגען; וועט מיליאנען דאלארס צוזאמענזאמלען; וועט רייך מאכען איהרע פאנדען; וועט אריינציהען אין איהר מיטע א מאסע רייכע און איינפלוסרייכע פאליטישענס — אלעס וועט זי קענען טאן און דערגרייכען. אבער איהר אייגענעם טרויעריגען מצב וועט זי נישט אויסבעסערען. זי וועט זיך נישט דערהויבען פון דער שפל'קייט, כל זמן זי וועט נישט אפווישען די פארבלוטיגטע הענט פון איהרע רייכע אנהענגער און מעכטיגע טשורטש־מעמבערס.

וואס די קריסטליכע קירכע דארף איצט אמנויטיגסטען איז — אביסעלע קריסטענטום.

אך, ווען די קריסטען זאלען אביסעלע מעהר קריסטליך זיין!

אט דאס וואס איהר פעהלט. מיר ווייסען דאס און דערפאר קוקען מיר אזוי ניכטער אויף זייער נייעם שריט פרום צו מאכען אמעריקא, א שריט וואס וועט צו גארנישט פיהרען.

שפריצען

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

ניט מיך מיינט מען

אין פאריז וועט אין גיכען אפגעהאלטען ווערען אן אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ וועגען דעם געלט־קורס.

אויב דער קורס פון מיין געלט איז אויך אריינגערעכענט, וועט מען זיך דארפען ווענדען צו מיין לענדלארד און בוטשער...

א שאר טאקי

א קינד פון א יאהר (אין פ'לאדעלפיא) האט אראפגעשלונגען א שטיק צוקער און דערשטיקט געווארען.

אך, אין אזא צייט א שטיק צוקער נע'פטר'ט!

וואס ווייס א גוי?

אין אן ארטיקעל אין דער לאנדאנער „העראלד" זאגט דער ענגלישער קריגס־מיניסטער טשורטשיל, אז דאס אידישע פאלק באשטעהט פון דריי טיילען: ציוניסטען, באלשעוויקעס און אזעלכע, וואס גערעכענען בלויז די לענדער, אין וועלכע זיי לעבען.

דריי טיילען בלויז? ווי גליקליך וואלטען מיר געווען, ווען מיר וואלטען באמת באשטאנען נאר פון דריי חלקים. יעדער טייל צעטיילט מיר זיך אין צעהנדליגע פארטייען און קלייזלעך, א חוץ נאליציאנער, ליטוואקעס און לעקטשורערס...

אמעריקא האט זיך אפגעזאגט צו אנערקענען ליטא אלס זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

דאס אידישע טעאטער וויל אויך נישט אנערקענען ליטא און באנוצט בלויז מיט'ן וואהלינער אידיש.

הו — ווער?

הוואווער האט עפענטליך ענדליך ערקלערט, אז ער וועט נישט לויפען פאר פרעזידענט און אלע מעשיות וועגען זיין לויפען, האבען קיין גרונד נישט.

אלזא הוואווער וועט שוין אויך ניט לויפען. איצט פרעגט זיך: הו! ווער?...

א מצוה אויף איהם

די דייטשישע אנטיסעמיטען ענה'ען, ז מ דאך נישט קיין רחמנות האבען אויפ'ן קייזער, ווייל — ער שטאמט פון אידען...

אבי מיר האבען געמיינט, אז ווען יענע רופט וויהעלם'ען וויליוועל, איז עס בלויז א ווערט...

איצט וועט זיך זיכער נישט געפינען אין אין לייטישער איד, וואס זאל רחמנות האבען אויף וויהעלם'ן — אזא אסימילאטאר, שעהמט זיך אפילו מיט'ן אידישען נאמען!...

איצט פארשטעה איך...

אין שווייצאריע, מעלדעט א טעלעגראמע פון בערן איז זעהר אומרוהיג.

איצט קען שוין מעגליך זיין, צו דערציילען א רעוואלוציע אין בויך אזוי גיך ווי מ'עסט אויף א שטיקעל שווייצער קעז.

ארימע הינט!

די פראנצויזישע רעגירונג האט היער באנייט איהר פאדערונג, אז דייטשלאנד זאל איהר צושטעלען צוואנציג טויזענט הינט, וואס די לעצטע האט ביי זיך נערויבט בעת דער מלחמה.

ארימע דייטשע הינט. די פראנצויזישע הינט, וואס דייטשלאנד האט צוגענומען, זענען שוין לאנג אויפגעגעסען געווארען אלס פראנקפורטערס. איצט וועלען די דייטשע הינט זיך מוזען לערנען בילען אויף פראנצויזיש...

וואס האט אונז געלערנט די קאנווענשאן פון די אוקראינער אידען

פון דייוויד אייבראהאמס

פיעלע מאל, קודם דער קאנווענשאן און אויך בעת דער קאנווענשאן גופא, איז אונז אויסגעקומען צו הערען באמערקונגען און אנצוהערענישען פון אלערליי פריינד מכח דעם, וואס דער אוקראינער פארבאנד האט נישט די נויטיגע פיהרער וואס זאלען שטעהן אן זיין שפיצע, און אז די אוקראינער אידען פון אמעריקא האבען איבערהויפט ניט וועמען ארויסצושטעלען אלס זייערע כלל־טוער און גייסטיגע פיהרער. דער שרייבער פון דיזע צייל'ען גלויבט, אז עס איז כדאי זיך אפצושטעלען אויף דעם און באטראכטען וויפיעל אמת עס געפינען זיך אין דיזע באהויפטונגען.

עס וואלט געווען אן עולה צו מאכען אזעלכע באהויפטונגען און אין דערזעלבער צייט נישט איין זיינען האבען דעם פאקט פון דער ביז איצטיגער אונארגאניזירטקייט פון די אוקראינער אידען אין אמעריקא, און מיט די פארשידענע אורזאכען וואס האבען געפיהרט צו אזא צושטאנד. עס איז א פאקט, אז די אוקראינער אידען זיינען געווען די לעצטע מחנות אימיגראנטען, וואס זיינען אנגעקומען אהער אין די לעצטע יאהרען פאר דער גרויסער וועלט־מלחמה, און אז זיי האבען דעריבער נאך ניט געהאט די מעגליכקייט צו ערציהען צווישען זיך פאליטישע פיהרער אדער פיין געשליפענע „פראמינענטע". דערביי דארף מען אויך ניט פארגעסען, אז בכלל איז דער ליטווישער איד מעהר קאפ־מענש, מעהר חריף און איז אלע מאל געווען דער פיאנער פון השכלה אומעדום, וואו ער האט זיך נאר געפונען, ווערענד דער אוקראינער איד איז מעהר הארץ־מענש, מעהר מענש פון געפיהל און פאנטאזיע, ווי די צוויי גרעסטע קלאסיקער פון דער אידישער ליטעראטור, מענדעלע און שלום עליכם, דער גענישלער „מכשף" אויפ'ן פידעל, מישא עלמאן דער פראכטפאלער פייאנאזיש־מאהלער לעוויטאן און אנדערע קינסטלער.

און אפילו אויף אונזער ספעציעלער קאנווענשאן וואס איז גערופען געווארען בחפזון'דיג און האט 3 מאל געביטען פלאן אין צייט פון איין חודש צוליעב דעם וואס די שלוחים פון אוקראינע זיינען דורכאויס באשטאנען צו האבען אזוי שנעל ווי מעגליך א קאנווענשאן האבען מיר אויך געהאט עטליכע שעהנע פיגורען און א פאר פעהיגע פיהרער מיט אזא אויסגעצייכענטען רעדנער און ענערגישען טאקטישען טשערמאן ווי דער הארטפארד „סטיפען ווייז", מיר מיינען פיינזילבערען, מיט וועלכען די גרעסטע קאנווענשאן קען שטאלצירען.

מיינע חברים פאלאקאף און פעלדמאן האבען אין די קאמיטעס אוועקגעשטעלט פראכטפאלע ארבייט וואס עס קען פון די בעסטע פלאר לידערס אויף פאליטישע קאנווענשאנס בעסער ניט געטאן ווערען.

די פארטרעטער פון דער פרעסע האבען זיכער אויך ניט פארפעהלט צו באמערקען דעם שעהנעם נאציאנאל־פראגרעסיוון מיסטינגען אריסטאקראט, דר. נארמאן, פון באסטאן, פאדקרעפערט אין זיך דאס שעהן־טראדיציאנעלע זמירות פון אידישער חריפות און דעם העכסט פיינעם חוש פאר דעמאקראטיע פון דעם אינטעלעקטועלען טיפּ פון אן אמעריקאנער רעפארמער.

נאך אלעמען האט די קאנווענשאן אין 2 טעג צייט אויפגעטאן א מאסע ארבייט און האט אנגענומען א רייהע גוט דורכבאטראכטע רעזאלוציאנען וואס ווערען זיין א גרויסע לייטונג קראפט פאר דער אויספיהרונג פון דער גרויסער ארבייט וואס עס פאלט אויף דער נייער אדמיניסטראציאן.

די אוקראינער אידען אין אמעריקא מעגען באמת צופריעדען זיין מיט דער נייער פארוואלטונג, ווייל כאטש איינציגע קענען עס באטראכטען פאר א „פארלוסט" וואס עס פעהלען אין דער נייער אדמיניסטראציע א פאר גרויסע „סטארס", באשטעהט די אדמיניסטראציע פון און ארבייטזאמען און ענערגישען מאטעריאל פון בעלהבית'ישער און נאציאנאל־פראגרעסיווער כלל־טוער, עטליכע בכבודיגע אידישע זשורנאליסטען און עטליכע אויסגעפרובירטע פעהיגע ארבייטער פיהרער.

די נייע אדמיניסטראציע נעמט זיך צו איהר ארבייט מיט אויסערגעוועהנליכען ענטוזיאזם און וועט פון זיך געבען אל דאס בעסטע וואס זי פארמאגט אום צו מאכען פון דעם רעארגאניזירטען פארבאנד א פראכט אינסטיטושאן וואס זאל זיין א כבוד פאר די אוקראינער אידען. און וואס זאל זיין דער גרויסער הילפס אפאראט צו שפייזען און באקליידען די פאגראמירטע און העלפען אויפבויען די היימען און פרנסות פון די עקאנאמיש פארארמטע. די נייע אדמיניסטראציע ווייס וואס פאר א גרויסע, מען קען זאגען היסטארישע פאראנטווארטליכקייט זי נעהמען אויף זיך. זיי בויען אבער אויף זייער איינענעם הייליגען ערנסט און ענערגישען ווילען צו לעשען די הערלישע שרפה וואס ברענט אין אוקראינע.

די נייע פארוואלטונג רעכנט אז די קאנווענשאן האט געהאנדעלט מיט'ן שכל ישר אין דער פראגע פון עקזעקוטיוו סעקרעטאר, וואס זיי האט עס ארויסגענומען פון די הענט פון דער קאנווענשאן, וואו עס איז דא א מעגליכקייט אז ארום יענער פראגע זאלען זיך ענטוויקלען קלייגליך פאליטישע מחלוקת'ן, נור האט פארטרויט דער עקזעקוטיוו, אנצושטעלען איהרע באאמטע וועלכע דארפען אנהאלטען זייער אמט בלויז אויף דעם רעקארד פון פעהיגקייט און עקזעקוטיווער אביליטי און ניט ארויפצווינגען זיך בלויז דער פאר ווייל די קאנווענשאן האט זיי ערוועהלט.

די קאנווענשאן האט אויך גוט געטאן מיט דעם וואס זי האט אין דער נייער פארם פון אדמיניסטראציאן אנגענומען דעם תמצית פון דר. דובאוויסקי'ס פלאן וואס דאס וועט געבען אלע גרויסע לאנדס מאנשאפטען א געלעגענהייט צו האבען דירעקטע פארטרעטער אין דער נאציאנאלער פארוואלטונג. עס איז אויך דער סענטימענט פון דער נייער־ערוועהלטער אדמיניסטראציע אז די לישענעראל עקזעקוטיוו קאמיטעט וואס מוזען אפהאלטען זייערע מיטינגען אלע 3 מאנאטען, זאלען פארקומען אין פארשידענע שטעדט איבערען לאנד, און יענע שטאט וואס וועט דורך דער צייט ארויסווייזען די גרעסטע אקטיוויטעט מיט ממשות'דיגע רעזולטאטען פון געזאמעלטע סומען צום גרויסען פאנד וואס וועט ערעפענט ווערען, יענע שטאדט וועט האבען ביי זיך דעם צוזאמענקונפט פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע.

פראנק וויינשטיין, דער טעמפאררערי וויים־פרעזידענט פון פיטסבורגער ראיאן, איז זעהר ענטוזיאסטיש פאר דעם אז פיטסבורג זאל האבען די ערשטע נאציאנאל־עקזעקוטיוו זיצונגען ביי זיך און ער נעמט זיך צו דער ארבייט מיט אויסערגעוועהנליכער התפעלות.

מר. סמאלאוו, א גוט באקאנטער כלל טוער און מזרחיסט פון באפלא, האט ביים פארלאזען די קאנווענשאן פאר־שפראכען צו ווייזען אז „זיין" באפלא, וואס איז נעגאנגען אוועק די טאפ' אין אלע דרייווס, אנגעהויבען פון ליבערטי באנדס, וואר טשעסט, ביז דעם גאולה־פאנד וועט אויך אנהאלטען איהר רעקארד בנוגע דעם גרויסען „דרייוו" פאר די אוקראינער אידישע פאגראם קרבנות.

די הויפט זאך אין די הויפט קראפט, צו מאכען פון פארבאנד דעם אפאראט פון גרויסע הילפס־מיטלען, ליגט אויף דער אידישער פרעסע, די אידישע פרעסע וועט מוזען אויסשטרעקען א ברידערליכע האנד דער אדמיניסטראציע און דורך פיעל אויפקלערונג אפטויטען די גלייכגילטיגקייט וואס די אוקראינער אידען האבען ביז יעצט ארויסגעוויזען צו זייער פארבאנד; זיי וועלען מוזען טאן די הייליגע פראפאגאנדא ארבייט פון מונטערען, הייסען און אויפוועקען די אידען צו די גרויסע טאטען. דער פארבאנד איז רעארגאניזירט. אלע שלוחים און רבני...

טונגען זיינען אין זיין פארוואלטונג פארטראטען. ער האט יעצט א פיינעם מענשען מאטעריאל צו דער ארבייט און עס זיינען דא די בעסטע אויסזיכטען צו דערגרייכען צו דער לייטונג אזעלכע פראמינענטע אוקראינער אידען ווי דעם פאלקס טרבון יוסף באראנדעס, פיטער שווייצער, דר. ב. דובאווסקי, נ. קוואשא דר. יוסף קרינסקי, מאיר לאנדאו, מאיר שווארץ, דר. קלעמענקא און אנדערע באקאנטע פערזענליכקייטען.

די שלוחים פון אוקראינע, דר. קאראליניק און הערר מאיר גראסמאן, גלויבען באמת, אז יעצט קען מען אויפטאן גרויסע ארבייט. עס וועגדעט זיך נור אז די אלע גרויסע לאנדסמאנשאפטען ווי די אומאנער, זשיטאמירער, פראסקוראווער, זוויעלער, בערדיטשעווער פאלטאווער, קרעמענטשוגער, קיעווער, יעקאטערינאסלאווער, ראוונער און אלע אנדערע הונדערטע ארגאניזירטע לאנדסמאנשאפטען איבערען לאנד, וועלכע האבען יעדער באזונדער פעהיגע לאקאלע פיהרער און ארגאניזאטארען, זאלען ווערען ארגאנישע טיילען פון פארבאנד און זאלען שאפען איין גרויסע הילפס אינסטיטוציע וועלכע זאל לייטען די גאנצע ארבייט און איינשפארען אזא אוצר פון ענערגיע, צייט און עקספענסעס אנצופיהרען די ארבייט אין קליינע קלייזלעדיגע פארמען.

רייזענדיג וועגען די פארשידענע לאנדסמאנשאפטען און זייער אייגענארטיגער פסיכאלאגיע צו ארבייטען שטרענג לאקאל, מוז מען צוגעבען, אז ס'איז ערשטענס אוממעגליך זיי שטארק צו צענטראליזירען, און ווען אפילו מעגליך, איז דאס נאר ניט ווינשענסווערטה, ווייל מען מוז היפשזעבליך נעדענקען אז רעליעף ארגאניזאציאנען זיינען נאר אנדערש ווי א יוניאן, א בילדונגס פאראיין, א חברה, א פאליטישער קלוב, אדער ארדען. דארט האט יעדער אין אויג צו נעניסען פאר זיך א געוויסען עקאנאמישען אדער פאליטישען געווינס, און ס'איז אין זיינע אינטערעסען אפטערס צו לאזען זיך קאנטראלירען פון איין גרויסען צענטער. בעת די רעליעף ארגאניזאציאנען זיינען געבויעט בלויז אויף דעם רחמנות געפיהל און לאקאלען לאנדסמאנשאפט סענטימענט. און דארום איז קיין וואונדער ניט וואס מען זעהט ווי פיהרער פון רעליעף ארגאניזאציעס, וואס אויף אנדערע געביעטען האנדלען זיי אזוי פראקטיש אויסגערעכענט ווי אין דער פיהרונג פון אן אייגען געשעפט, זיינען זיי אין זייער לאקאלער רעליעף ארגאניזאציע אזוי ניט פראקטיש און לאזען יעדער שטעדטעלע רופען מיטינגס, מאכען יריזוס, ענגע אפגעזונדערטע, באגרענעצטע אינטערעסען און לעבען מיט דער איינציגער האפנונג צו קענען שיקען אן איינציגען קאמישאנער אין זייער שטעדטעלע פון 300 אידישע פאמיליען, מעג עס זיי אפילו קאסטען זייער גאנצע רעליעף־פאנד וואס זיי האבען געזאמעלט.

פון אן איינפאך געשעפטס שטאנדפונקט איז די גאנצע קליינע ארבייט א שרעקליכער טעות אויב ניט גאר א פארברעכען. מען קען אבער צו דער רעליעף ארבייט ניט צוטרעטען מיט דער „מאס' פון געשעפט, דאס איז א נשמה־זאך און מען מוז גאר אנדערש פסיכאלאגיש אויפפאסען די זאך.

קוים האט א לאקאלע ארגאניזאציאן זיך אריינגענומען קאלעקטיוו אין נעדאנק צו שיקען אן אייגענעם שליח וואס זאל ברענגען א לעבעדיגען גרוס פון אלע זייערע לאנדסלייט — לאמיר אנבאפען — אזא שטאדט ווי ראכמיסטריווקע, ווי אזוי זיי לעבען און לוידען — אדער פרישען זיך, פון סאפאלק סטריט, ניו יארק, ביז דולוט, מענעסאטע אזן ברענגען צוריק א גרוס. וואס עס איז געווארען מיט'ן שוחט, חזן אדער פראוויזאר וואס האט געהאלטען זיין אפטייקארסקי מאגאזין נעבען גרויסען בולווארד און ניט ווייט פון פוילישען קאטוילישען קלויסטער, וואס שפאצירענדיג דארט האט מען ביידען ניט געקענט אויסמיידען — קוים האבען זיי דאס אלעס באשלאסען, וועלען קיין טויזענדער מיסר ארטיקלען און דרשות און די טיפסטע לאגישע ארגומענטען ניט העלפען.

דער ספעציפישער „היימאטסגעפיהל" איז זיס ווי די ליבע און שטארק ווי דער טויט און די קלוגסטע פיהרער פון דער נייער אדמיניסטראציע וועלען ניט נור זיך מאכען נאריש צו שטעלען זיך אקעגען אט דער „כוואליע", זיי וועלען נאך אלעמען מאכען מעהר געגנער און שונאים אנשטאט זיי צו געווינען פאר דער אלגעמיינער ארבייט. טאקטישע פיהרער און מענשען וואס קענען זעהן זאכען „ווי זיי זענען" ניט ווי זיי ווילען זיי זאלען זיין, וועלען קענען מאכען פון דער מכה א רפואה, מיט דעם וואס זיי וועלען אבסאלוט ניט שטערען. נאר העלפען יעדער לאנדסמאנשאפט וואס האט דעם ווילען און קראפט דאס צו פארווירקליכען. עס דארפען נור לויט מיין מיינונג דורכגעפיהרט ווערען 2 פונקטען אין דער ארבייט.

ערשטענס: — אז קיין רעליעף געלדער פאר די קרבנות טארען אויף די קאמישאנער עקספענסעס נישט פארנוצט ווערען, ווייל וואס עס קען קאסטען א פארבאנד אדמיניסטראציאנס עקספענסעס 10 סענט פון א דאלאר רעליעף געלדער, דארף עס ביי א לאקאלען פאראיין פארדערען לכל הפחות 60 אדער 70 פראצענט פון זייער געזאמעלטע סומע.

די קאמישאנער עקספענסעס דארף געשאפען ווערען פון א ספעציעלען פאנד וואס, ווען לאמיר זאגען, די קלענסטע צאהל פון 100 לאנדסלייטע ווילען האבען דעם „סאטיספעקשאן" צו שיקען א אייגענעם מענשען צו זיך אין געבורטס שטאדט טארען זיי פון רעליעף געלדער נים ריהרען נאר איינפאך באצאהלען א קאמישאנער טעקס פון 30 אדער 50 דאלאר א פערזאן וואס האט זיכער די ווערטה, און דאס זאל באצאהלען די עקספענסעס.

דער פארבאנד דארף אבער האבען די אויטאריטעט צו קריגען פון אלע רעליעף געלדער וואס די אנגעשטעלטע לאקאלע ארגאניזאציאנען זאמלען ארויסצורעכנען א מאקסימום פון 10 פראצענט אויף אלגעמיינע אדמיניסטראציאנס עקספענסעס און פון דעם אדמיניסטראציאנס־פאנד פינאנסירען די אויסגאבען פון עטליכע ערוועהלטע דזשענעראל קאמישאנערס וואס זאלען זיך צעטיילען און גובערניעס און יעדער איינער זאל זיין דער „סופערווייזער" אדער עקזעקוטיוו אדווייזער צו יעדער גרופע קאמישאנערס וואס די פארשידענע לאנדסמאנשאפטען שיקען.

דער נוצען דערפון וואלט געווען זעהר פיעל וואס ניט דא איז דער פלאץ אויסצורעכנען. 2 הויפט פונקטען קענען אבער שוין אנגעדייטעט ווערען און דאס זיינען:

ערשטענס: — וועט אזא סופערווייזער זיין נאטירליך א פראמינענטער טיפּ טוער, ווי א לאקאלער וועט ער נאטירליך זיין א „גייד", און ארויסהעלפער צו מאכען זייער נסיעה אין אלע הינזיכטען גרינגער און מעהר ערפאלגרייך, און צווייטענס וועט אזא אדווייזער דירעקטאר קענען גרופירען א צאהל שליחים פון און טראנספארטירט און געלייטעט ווערען אויף א קאלעקטיווען אופן וואס וועט איין גובערניע און בעת זיי וועלען שוין זיין אויף זייערע פלעצער צענטראליזירען זייער טעטיגקייט. אז געלדער, שפייז, קליידער, וועש מעדיקאמענטען און אנדערע הילפס ארטיקלען זאלען געקויפט זוכער קאסטען בילינער און וועט אויף א מעהר „עפישענסי"־וועג דורכגעפיהרט ווערען, וועגען דער פראגע לאזט זיך פיעל זאגען דאפיר און דאגעגען. און איך „קליים" ניט אז מיינע אנזיכטען זיינען הלכה למשה מסיני, אפשר איז דא א בעסערער אויסוועג פון דער נאנצער פראגע, איך פיהל אבער אז די לאקאלע שלוחים פראגע איז באמת אן „אבן נגף" און די נייע אדמיניסטראציאן וועט דאר פען נוצען זעהר פיעל טאקט, זאךקענטניס און שכל הישר אז די פראגע זאל צופריעדענשטעלענד פארענטפערט ווערען.

פון סענטראל רעליעף

דאס איז די ליסט מיט די נעמען וועלכע האבען לעצטענס ביינעשטייערט צו די געלדער וועלכע זיינען דורך מר. קאפלאן פון 483 הייסטינגס סט. איבערגעשיקט געווארען צו די סענטראל רעליעף קאמ. 51 טשאמבערס סט. נ. י.

מר. מ. קאפלאן 483 הייסטינגס	$40.00
מר. ל. מיסקין 225 א. היי סט.	1.00
מר. ה. צווייגענבוים 230 ווייגדער סטריט	1.00
מר. קארף 230 ווייגדער סט.	3.00
מר. הערמאן 252 אלפרעד סט.	1.00
מרס. דאנסקי 109 ריווויזשאן סט. — — —	2.00
מר. אדעלמאן 1299 ביאביען	1.00
מר. קאען 1299 ביאביען	1.00
מר. שרייבמאן 867 טשיינעסט	2.00
מר. קארט 91 ברידי	1.00
מר. גרינבערג 529 הייסטינגס	1.00
סך.	$54.00

נאכבאמערקונג — דיזע קוויטונג איז געגעבען געווארען אין רעדאקציע פאר כמאנאט פעברואר, אבער דורך א סיבה האט די פארעפענטליכונג זיך פערשפעטעט.

·ווערמעס שטערן

א׳ אסטראנאם ערקלערט, אז די טערענראמעס, וואס מארקאני באקומט פון ווייטע ספערען, זענען נישט פון מארס אדער פון ווענוס, נאר פון א שטערן, וואס איז זעהר נאהענט צו אונז, ממש מיט'ן האנט צו דערלאנגען, נאר ער איז נישט באלויכטען און דערפאר קענען מיר איהם ניט זעהן.

אפנים דער שטערן טראגט א נייעם מאדנעם פרויען הוט און דערפאר זעהט מען נישט זיין שטערן.

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה ניט צו זאגען „סינסינעטי מצה", נאר אויסדריקליך פאדערען

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

די ב. מאנישעוויטץ קא.
סינסינעטי, אהייא

ניו-יארק אפיס:
1 יוניאן סקווער

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
Detroit Office 255 Napoleon St.

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

וואו צו געבען

פון הרב ברוך שפירא

מיר לעבען אין אן אויסערגעוועהנלי-כע צייט, ווען געשיכטע פון גאנצע תקופות ווערט געשאפען אין מאמענטען. די ווידער געבורט פון אידישען פאלק איז געווארען, ביז אין א געוויסען גראד, א טייל פון דער וועלט פאליטיק. מעכטי-גע רעגירונגען האבען אונז פארשפראכען ארץ ישראל. אידען וועלכע זענען גע-שטאנען ווייט פון אידישען פאלק, פון אידישקייט, אויך זיי האט דער צייט גייסט געריהרט. ווי מיט א כשוף האט די ציוניסטישע אידעע אלעמען ארומגע-נומען. יונג און אלט, אטעאיסטען און גלויביגע — אלע זענען דורכגעדרונגען מיט דעם גרויסען הייליגען אידעאל פון „ושבו בנים לגבולם."

ווערט אבער מיט די אויפריכטונג פון פאלק און לאנד, אויך אויפגעריכט ווערען דאס אידענטום?

אט דאס איז די שמערצליכע פרא-גע וועלכע באאונרוהיגט, און דארף באַ-אונרוהיגען יעדען רעליגיעזען נאציאנאל דענקענדען אידען. ווען אידען וועלכע האבען אראפגעווארפען פון זיך, אדער האבען אויף זיך קיינמאל ניט גענומען, דעם עול תורה — ווען אזעלכע „פריי-געזאנגענע אידען זענען איבערגענומען מיט ליבע און לעבען פאר דער אויפ-לעבען פון אונזער לאנד — געבענטשט זאלען זיי זיין! מ'קען און מען טאר אבער ניט פארקוקען, דאס אין דער צייט וואס מיט איין האנט בויען זיי ענער-גיש דעם „בית ישראל" מאכען זיי מיט דער צווייטער האנט, באוואוסט צו אומ-באוואוסט, דורך דער „תורה ישראל" דאס אידענטום פאר וועלכע אונזערע עלטערן זענען געגאנגען אין פייער און אין וואסער. פארשידענע לעהר אנ-שטאלטען וואס די ציוניסטישע ארגאני-זאציע האט ביז יעצט געבויט אין ארץ ישראל זענען ווייט פון צו זיין א י ד י-ש ע לעהראנשטאלטען.

און דאס איז אונזער שולד, די שולד פון די ארטאדאקסישע אידען. מיר גי-בען פאר אלץ, אבער ניט אימער אין ריכטיגען פלאץ. דער ארטאדאקסישער איד האט בטבע א גוטע הארץ, איז אבער א ביסעל קורצזיכטיג. עס פעהלט דער רעליגיעזער גייסט, נאר זענען אנטי-רעליגיעז, עקזיסטירען און בליהען, א דאנק די שטיצע פון די ארטאדאקסישע אידען?

ענדליך, פאנגען די ארטאדאקסישע אידען אן צו פארשטעהן, אז זייער כח ליגט אין פאראייניגונג. דער ריזיגע-וואוקס פון דער מזרחי ארגאניזאציע א פוילען, ליטא, רייטשלאנד, ענגלאנד, אמעריקא, שווייץ, האלאנד, איז א גו-טער סימן פאר דער ענדערונג. די אר-טאדאקסישע אידען ארגאניזירען זיך. אומעטום פאר דער ארבייט אין ארץ ישראל, אונטער'ן פאהן פון „מזרחי", זיי קומען צום באוואוסטזיין, אז נאר ווען זיי וועלען פיגורירען אלס א ב א-ז ו נ ד ע ר ע ר כ ח ווען זיי וועלען זיך ניט פארלאזען אויף אנדערע, נאר אליין בויען ארץ ישראל — נאר דאן קע-נען מיר האפען, אז ארץ ישראל זאל זיי-ן א א י ד י ש לאנד, אז אלץ וואס עס ווערט דארט געשאפען זאל זיין אין גייסט פון אונזער תורה, פון אונזער טראדיציע. אלע פארטייען אין ציוניזם, זענען איצט טעטיג פאר ארץ ישראל, שאפען פאנדען פאר דער גרויסער אר-בייט פון בנין הארץ. י ע ד ע ר א י ד ווי ל טיילנעמען אין פאלקס בנין, ער באדארף אבער וויסען ו ו א ו צו גע-בען, אונטער וועלכע פאהן צו געהן. דער סאציאליסט דארף זיין חלק געבען צו זיין פארטיי — „פועלי ציון". דער ציוניסט — צו די ציוניסטישע ארגאני-זאציע, און דער איד וואס וויל זעהן ארץ ישראל געבויט אין דעם גייסט פון דער תורה, דארף געוויס געבען ניט ווע-ניגער אויב ניט מעהר, פון די אנדערע אבער וואו? נאר צום „מזרחי". אמת, „חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו" — מיט געלט בויט מען אבער קהלות, אנ-שטאלטען, קאלאניעס, און ווער עס וועט מעהר פון דיזען ארטיקעל באוויזען, יע-נער וועט זיין דער זיגער, יענער וועט האבען די דעה אין לאנד.

ארטאדאקסישע אידען גיט מיט א פולער האנט און וויסט וואו צו געבען.

בריעף אין רעדאקציע

וועגען דער סקיצע „ניט געקומען צו קבר ישראל"

ווערטער רעדאקטאר פון „וועג"! —

איך האב געלעזען אין „וועג" דעם לעצטען מערץ, וועגען א באַן, וואס איז ניט געקומען צו קבר ישראל.

עס האט אונז גערירט ביז טרעהרען, לעזענדיג די באשרייבונג פון דער טראגע-דיע. אויב עס געפינען זיך דא לאנדס-לייט פון'ם אומגליקליכען באַן, וועלכע וויסען אלע איינצעלהייטען, און האבען איהם ניט געוואלט רעטען בעת ער האט געלעבט, טא זאלען זיי כאטש זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט דעם „חסד של אמת" און מיר וועלען טרייען איהם ארויסצוקריי-גען פון דער קריסטליכער סעמעטערי און ברענגען צו קבר־ישראל.

פאר די אומגליקליכע עלטערן וועט שוין זיין גענוג גרוים דער בראך, וואס **זייער קינד איז פארלוירען געגאנגען.** היינט שטעלט זיך פאר, אז זיי וועלען דערהערען, אז זייער קינד ליגט אויף א קריסטליכער סעמעטערי!

מיר אפעלירען דארום צו די לאנדסלייט, וועלכע וויסען פון דער קיים, אז זיי זא-לען קומען שבת אווענט צום מיטינג פון דעם „חסד של אמת" און אנגעבען אלע איינצעלהייטען, און דער „חסד של אמת" וועט אויף די קאסטען פון דער אינסטיטו-ציאן זעהען ברענגען דעם באַן צו קבר ישראל. מיר האבען שוין געהאט אזא פאל לעצטען יאהר, און אויב די לאנדסלייט פון'ם פארשטארבענעם באַן פארמאגען אין זיך אביסעל מענשליכקייט, וועלען זיי דאס זיכער באלד טאָן. עס מוז געטאָן ווערען וואס גיכער, איידער די עלטערן דערוויסען זיך דערפון. זיי וועלען זיך ניי-טער דערוויסען, ווייל דאס איז ניט קיין סוד.

מיט אכטונג,
געוועזענער פרעזידענט,

שלמה זאמדוויים

נאכבאמערקונג!

זאל אונז מר. זאמדוויים מוחל זיין ווען מיר וועלען איהם זאגען אז ער נעמט צו ערנסט די סקיצע. עס איז א מעשה, א דערציהלונג, אין וועלכער מען נעמט אין טראפען אמת און מען טונקט איין אין א ים פאנטאזיע. עס קען זיך מאכען אז אן עהנליכע פאסירונג האט געטראפען נאר מיט א פרוי, אדער אפשר האט דער שרייבער באשריבען די געשיכטע וועגען וועלכע מר. זאמדוויים דערמאנט שוין אין זיין בריעף. מיט איין ווארט: מיר פון אונזער זייט גלויבען נישט אויב דער שרייבער פון דער דערמאנטער סקיצע האט אמת געשילדערט א פאל מיט אלע איינצעלהייטען און פרטים, און זי האט באמת פאסירט אין לעבען.

רעדאקציע.

פולער באריכט פון די זיצונגען פון דער אקציאנס־קאמיטעט קאנפע־רענץ אין לאנדאן

(פארטזעצונג)
(פינפטע זיצונג)

די פינפטע זיצונג פון אקציאנס קא-**מיטעט קאנפערענץ**, אין לאנדאן, ער-עפענט זיך פרייטאג, דעם 13-טען פעב-רואר, אין דער פריה. מר. קאפלאן רעדט וועגען געוויסע קריטיק געגען די פיהרער און צייגט אן, דאס זיי זענען געגרינדעט **אויף פאלשע באגריפען.** אייסער דעם, זאגט ער, זענען נאך פאראן פיעלע גאר-ראנטיען, וועלכע דארפען אריינגעשטעלט **ווערען אין דעם אגרימענט צווישען** דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דער מאנ-דאט מאכט. עס איז וויכטיג דאס אין די ציוניסטישע קרייזען זאל זיין א קלארע פארשטענדיגונג פון די פרינציפען, וואס לייטען די ארבייט. דאס באריהרט אם מעהרסטען די פראגע פון זעלבסט פאר-וואלטונג. ציוניסטישע ארבייט מוז באַ-זירט ווערען אויף דעם יסוד פון סאציא-לע פרינציפען. די פאליטישע ארבייט זאל ניט באצוועקען בלויז צו געווינען געוויסע קלאסען פון דער געזעלשאפט און רעגירונגען; זי מוז זיך קודם כל רעכענען מיט די קרעפטען פון דער צו-**קונפט.**

עס מוז געווארנט ווערען, אז די פריינדליכע באציהונגען צווישען די אי-דען און אראבער זאלען איינגעארדענט ווערען דורך דיזע עלעמענטען זעלבסט. דאס אריינמישען זיך פון א דריטען עלע-מענט וועט מאכען די פריינדשאפט פאר א ניט דויערהאפטע.

דאס אידישע פאלק פארלאנגט, דאס אן אנפאנג פון קאנקרעטע ארבייט פאר דער ווידעראויפבויאונג פון ארץ ישראל זאל געמאכט ווערען. ווען דאס וועט גע-טאן ווערען, וועלען די פיהרער זיכער קריגען די הילף און מיטווירקונג פון'ם גאנצען פאלק.

שפרינצאק ערקלעהרט, דאס עס מאכט ניט אוים אויב דער אדער יענער האט געהאט א נביאות'דיגע באגייסטערונג. דער עיקר פון דער צוקונפטיגער ענט-וויקלונג איז ארבייט, און נאר דאס האט בכח צו פארוואנדלען די פאפירענע הבטחות אין א ווירקליכקייט. דאס לאנד מוז אויפגעבויט ווערען אויף די יסודות וועלכע זענען אין אנקלאנג מיט דער אי-דיש-היסטארישער ענטוויקלונג. מיר דאר-פען ניט פארגעסען דאס אונזער ארבייט ווערט אנגעפיהרט אין מזרח, און די אנדערע נאציאנען ארום אונז מוזען אי-בערצייגט ווערען, דאס מיר ווילען ניט אנפיהרען קיין אייראפעאישע פאליטיק, וועלכעס איז פיינדליך צו זיי.

י. יאקאבסאן, גיט אן איבערבליק **איבער דער ארבייט** פון דער איצטיגער עקזעקוטיווע, וועלכע איז אין אמט זייט 1911. פאקטיש האבען זיי נאר געהאט די קורצע צייט פון 1914—1911 אויף צוצוגרייטען זיך פאר דער גרויסער אר-בייט, וועלכע שטעהט איצט פאר. דורך דער צייט פון דער מלחמה האבען זיי געמוזט זעהן אויפהאלטען די ארגאניזא-ציע און די ארבייט אין ארץ ישראל, און א דאנק דיזע אנשטרענגונגען, איז עס איצט, מיט דעם צוריקקעהרען פון נאר-מאלען לעבען, מעגליך געווען פאר דער ארגאניזאציע נאכצוקומען די איצטיגע ע'לעריע ארבייט. אונזער צוועק מוז זיין, אויפצובויען די אידישע היים אין ארץ ישראל, לויט די פרינציפען פון שלום, שעהנקייט און יושר.

מר. בנימין כהן, גיט א צאהל ער-קלעהרונגען איבער דער באדייטונג און וויכטיגקייט פון פארשיעדענע פלענער, וואס זענען אנגענומען געווארען פאר'ן אריינשטעלען די ציוניסטישע פאדערונ-גען. אלס פארשטעהער פון די אמעריקא-נער ציוניסטען באדאנקט ער די פאר-זאמלונג, איבערהויפט ווייצמאנען און סאקאלאוו, פאר זייער אנערקענען און ריכ-טיג אפשאצען די ארבייט פון דער ציו-ניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא.

מר. קאהן פראטעסטירט געגען באַ-טראכטען זיין לעצטע רעדע אלס „אפאַ-זיציע". ער אונטערשטיצט דר. קלעע'ס ראנקר און צוטרוי-רעזאלוציאן צו דער לייטונג.

באריס גאלדבערג, שלאגט פאר, צו באשטימען א קאמיטע, וואס זאל באריכ-טען איבער די פינאנציעלע אינסטיטו-ציעס.

דר. האנטקע שלאגט פאר, דאס די דירעקטארען און די בעראטונגס קער-פערשאפט פון דער קאלאניאל באנק, זא-לען האנדלען אלס מיטגליעדער פון דער קאמיטע. ביידע פארשלעגע ווערען אנגע-נומען.

מר. איבראהאמס ערקלעהרט, דאס די סאוטה אפריקאנער ציוניסטען האבען פיל גלויבען אין ווייצמאן און סאקאלאוו, באדאנקען זיי און די אנדערע פיהרער פאר זייער ארבייט, און פארשפרעכען צו שטיצען מיט אלע קרעפטען זייער אר-בייט. איצט דארף מען טאטען און ניט קיין ווערטער. די צוקונפט ליגט אין די הענט פון פאלק.

מר. פישער ליקענט, אז עס איז דא אן ארגאניזאציע אפאזיציע.

דר. מארמארעק גיט נאכמאל א סך הכל פון זיינע טענעדטענות. און פאַ-דערט אויף דר. ווייצמאנען צו ענטפערען אויף זיי.

דר. האלפערן ערקלעהרט, דאס עס איז מעגליך געווען אנצופאנגען פאליטישע ארבייט, נאר דערפאר ווייל אידען האָ-בען שוין א דריסת רגל אין ארץ ישראל. די אימיגראציאנס פראגע דארף באַ-האנדעלט ווערען מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט אום אויסצומיידען אן עקאנאמישע קאטאסטראפע.

דר. יהושע בוך ערקלעהרט, אין נא-מען פון די בולגארער ציוניסטען דאס זיי, אלס פאליטישע ציוניסטען באַ-טראכטען די ארבייט און ערפאלגען פון ווייצמאן און סאקאלאוו אלס די ריכטי-גע פאליטישע ארבייט און שעצען עס ווי געהעריג.

דר. ישראל כהן, ערקלעהרט דאס די קאנסטאנטינאפאלער ציוניסטען וויסען מעהר ווי אירגענד אנדערע, ווי אפצו-שעצען דאס, וואס עס איז ערווייכט גע-ווארען און ווי וויכטיג די ארבייט איז פאר אונזער צוקונפט.

מר. ה. שטרוק ברענגט פאר די רע-זאלוציע, וועלכע איז פארגעלעזט געוואַ-רען אויף דער מזרחי קאנפערענץ אין אמסטערדאם.

דר. ווייצמאן ענטפערט אויף די דע-באטען און ערקלעהרט, דאס עס איז גע-ווען אן אונרעכט צו אונטערשיידען צווי-שען פאליטישען און ניט פאליטישען ציו-ניזם, ווען עס האנדעלט זיך וועגען דעם ענדליכען ציעל, וואס איז איינס און דאס זעלבע פאר ביידע.

דער איינציגער אונטערשיעד, ער-קלעהרט ווייצמאן, איז באשטאנען אין דעם, וואס די מעטאדען פון די אזוי גע-רופענע פאליטישע ציוניסטען זענען ניט געווען קיין פאלשע נאר זענען געווען ניט פאלקאם און איינזייטיג. פון דעם איז ענטשטאנען א געגנערישע פאליטיק, וואס ער אליין האט, אויף דעם האאגער קאנגרעס אנגערופען „סינטהעטישער ציו-ניזם". דיזער ציוניזם איז געווען באַ-רעכטיגט צוליעב זיינע רעזולטאטען, ווען די לאגע פון די פאליטישע ציוניס-טען, אלס א קאלאניזירענדער עלעמענט, וואלט געווען גענוג שטארק אין ארץ ישראל, וואלטען אונזערע פאליטישע ער-פאלגען פיעל גרעסער געווען. אין דעם גייסט פון דיזען „סינטהעטישען ציוניזם מוזען מיר איצט אנפאנגען קאנסטרוק-טיווע ארבייט, וואס איז דער גרונדשטיין פון אונזער גאנצער צוקונפט.

דר. ווייצמאן גיט איבער איינגע ביי-שפיעלען פון דעם איינפלוס און קראפט וועלכע די באוועגונג האט געקראגען. אין דער זעלבער צייט צייגט ער אן די שווע-ריגקייטען, וועלכע מען האט געהאט צו איבערוועלטיגען אין אלע ארבייטען, און פון וועלכע פיעלע ווייסען גאר ניט. ער רעדט וועגען די ארבייטען, וועלכע דאר-פען אונטערגענומען ווערען, און צייגט אן זייער וויכטיגקייט פאר דער ערדזיי-בונג פון דעם ענד-ציעל. ער גיט אינפאר-מאציע וועגען די באציהונגען צו דער ענגלישער פאליטיק און צום ענגלישען פאלק.

דר. ווייצמאן'ס רעדע, וואס ווערט געענדיגט מיט אנציינגען, דאס אונזער ארבייט קען נאר זיין ערפאלגרייך דאן, ווען אלע ציוניסטען וועלען באגרייפען די וויכטיגקייט פון דער ארבייט, וואס ליגט אויף זיי און פאר וועלכע עס מוז מיט א-איינהייטליכע קרעפטען געארבייט ווערען, האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף דער פארזאמלונג. די באגייסטערונג איז פארדאפעלט געווארען ווען מארמארעק און פישער, וועמעס קריטיק האט פאר-אורזאכט געוויסע אונצופרידענהייט, זע-נען צוגעגאנגען צו ווייצמאנען און איהם ווארעם געדריקט די האנד.

(שלום מארגען)

אנטיסעמיטיזם אין טאמסק

די „ד'עקסטרים אריענט' פון 4-טען אקטאבער מעלדעט, אז אין אירקוטסק האבען זיך לעצטענס באוויזען פלאקאר-דען, וועלכע זענען געדרוקט געווארען דורך די „טאמסקער ברידער' און וועל-כע רופע'ן אלע סערבען, קראטען און סלאוואקען איינצושליסען זיך אינ'ם יונגא סלאווישען באטאליאן וועלכער ווערט איצט פארמירט אין אמסק, כדי צו שאַ-פען א גרוים סלאווען-פאלק.

דער פלאקארד איז דורך און דורך אנ-טיסעמיטיש און ענטהאלט א מענגע שמוּ-ציגע אייסדריקען פון'ם נידעריגסטען סארט.

די טשעכא סלאוואקישע פרעס אגענ-טור אין אירקוטסק האט צוגעשיקט צו דעם טשעכא-סלאווישען מיליטער א טע-לעגראם, אין וועלכער זי פארדאמט דעם ראזיגען פלאקארד און מאכט אויפמערק-זאם אז דער אמת'ער רענעסאנס פון רוסלאנד און פון דער סלאוואקישער וועלט קען ניט געשאפען ווערען דורך האסען אדער רעליגיאנס-האס.

אונטערן האמער

ספעציעל פאר'ן „וועג"

פון חיים הורוויץ

משנכנס אדר מרבים בשמחה ואין שמחה אלא ביין.

היינט נעה פרעה זיך ווען מען האט אונז בלויז איינגעטיילט יעדען וואסערע 10 גאלאן ווין א יאהר אויף אלע ימים טובים...

א צווייטער אדר קאן ביי אונז אי-דען אפט געמאהלט זיין, אדער עס זאל צונויפגערופען ווערען א צווייטער אידי-שער קאנגרעס אין אמעריקא, דאס זעהט איהר, קומט שוין אן אביסעל שווערליך...

אפנים אז די עליים וועלען סוף כל סוף אנערקענען די סאוועטע רעגירונג אין רוסלאנד.

אויב זיי האבען די באלשעוויסטישע רוסלאנד ניט געקאנט אומברענגען אויף א גרוילאמען אופן — דורך דער בלאקאַ-דע, וואלטען זיי כאטש וועלען זי זאל האבען א טויט — בנשיקה...

איהר וועט מיר גלויבען מיינע ליעבע דעטראיט'ער לעזער אז טראַץ דעם וואס דער לעבענס מיטעל איז אזוי טייער דאך איז מיר געלונגען אפצושפארען א קוואַ-דער...

ער איז א קענעדער...

וואו א קאַץ קאן איינשפארען היינט! אנומעלטן איז א קאץ אנגעקומען פון ענגלאנד אהער אויף א לופט שיף, איצט לעז איך אז א קאץ איז ארויסגעשפרונ-גען פון א סטימער בעת א אינספעקטאר איז געקומען אונטערזוכען א געוויסען ניו יארקער לענדלארד צו ער גיט סטיעם גענוג.

אינטערעסאנט צו וויסען וועלכע פון די ביידע קעץ האט שטארקער געפיהלט די קעלט...

בית יתומים

א מיטינג פון בית יתומים ווערט אפגעהאלטען

אין אוטאפיע האל

קאר. היי און הייסטינגס

היינט מארטש דעם 16-טען

אום 8 אוהר אווענט

זייט וויסען אז מיר שיקען ניט מעהר קיינע לעטערס פאר קיין מיטינג, מר לאזען דאס וויסען דורך דער פרעסע.

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאו'ס מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד
קאסט ביליגער ווי גע וועהנליכע מצות

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאו'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלערס.
קעדילאק 2061

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

אידישע פרויען און פרויען עמאנסיפאציע

פון ב. י. ג—ן

די וועלכע פאלגען נאך אויפמערקזאם די ארטיקלען פון דיזער אפטיילונג קענען באין אופן נים חושד זיין דעם שרייבער פון דיזע ארטיקלען, אז ער איז קעגען פרויען־גלייכבארעכטיגונג.

אויב נאר עס מאכט זיך מיר א געלעגענהייט צו שרייבען וועגען פרויען עמאנסיפאציע זאג איך זיך שטענדיג ארויס פאר דעם. איך בין זיכער אז די וועלט געהט פארווערטס מיט איטליכען יאהר, מיט איטליכען חודש און אפילו מיט איטליכער שעה דערנעהענטערען מיר זיך צו יענער צייט ווען עס וועט נים זיין קיין חילוק סיי עקאנאמיש און סיי פאליטיש צווישען מאן און פרוי.

אין דער איצטיגער, שווערער און בלוטיגער צייט. אין וועלכער מיר לעבען קען זיך אויסראכטען אז אלע הימלען זיינען מיט בליי אנגעפילט און אז קיין שטראהל וועט זיך שוין קיינמאל נישט אנזעהן פון ערגעץ. פעסימיסטען ווילען אלעמען איינרעדען אז מיר וועלען לאנג נאך דארפען קעמפען ביז מיר וועלען קומען צו דעם מצב ביי וועלכען מיר זיינען מיט זעקס און מיט אכט יאהר צוריק געשטאנען.

אבער דאס איז א טעות.

מען קען דעם ווייזער פון דעם צייט־זייגער נישט דרעהען צוריק. מיר געהען פארווערטס להכעיס אלע קאנסערוואטיווע עקשנים.

וואס אנבעלאנגט דער גלייכבארעכטיגונג פון די פרויען איז עס זיכער, אז מיר שטעהן גאר נאהענט צו דער צייט ווען די פרוי וועט גלייכבארעכטיגט ווערען.

פונדעסטוועגען מוז איך היינטיגס מאל זיך „צוקריגען" מיט א פייערדיגען אנהענגער פון פרויען־גלייכבארעכטיגונג, וועלכער האט מיר געשריבען א בריוועל. נישט ווייל איך בין מיט איהם נישט איינפערשטאנען אלס פרויען רעכטלער נאר ווייל ער רעדט פון דער אידישער פרוי און פון די אידישע טראדיציעס מיט צו פיעל זיכערקייט, באטש באמת הייסט ער נישט אן צו וויסען פון ביידע ענינים.

„אידישע פרויען — שרייבט מיר „דער פרויענרעכטלער" — זיינען דערפאר נישט פארטראטען צווישען די היגע סאפראדזשעטקעס, ווייל די אידישע פרוי האלט זיך נים פאר קיין מענשען. די קריסטליכע פרוי האט נישט געהערט פון קיין ברכה „שלא עשני אשה", די קריסטליכע פרוי איז פון דער רעליגיאן נישט פארשעהמט געווארען און אויסגעשלאסען פון אלע רעכטע. די אידישע פרוי איז, בכן, צופיעל דערנידעריגט און זי האט שוין פשוט קיין השגה נים צו ווערען גלייכבארעכטיגט".

און אט דאס איז נישט אמת.

די אידישע רעליגיע האט די אידישע פרוי קיין מאל נישט דערנידעריגט.

אין דער צייט ווען די אידישע דינים זיינען געשאפען געווארען איז די פרוי ביי אלע אנדערע פעלקער געווען ערגער ווי א שקלאף. א מאן האט דורכגעטריבען זיין פרוי און א צווייטע גענומען; א מאן האט געקענט עקספלאטירען און זאגאר שלאגען. ממית'ן זיין פרוי און עס איז נישט געווען קיין קלעגער און קיין ריכטער.

מען האט די אידישע פרויען באפרייט פון די תרי"ג מצוות. דער מאן האט דערום געדאנקט גאט וואס ער איז קיין פרוי נישט און איז נישט פטור פון די מצוות.

אבער די פרוי איז דאך באפרייט געווארען פון די תרי"ג מצוות נאר דערפאר וואס זי איז צארטער. שוואכער פונ'ם מאן און איז נישט בכח צו טאן אלע מצוות.

מען געהט אויך מיט דער סברא אז רעליגיעזע אידען פאלגען אים די שטעל אין תלמוד וואס איז קעגען בילדונג פאר פרויען.

די אבער וואס זיינען גוט באהאווענט אין דעם תלמוד וויסען אז יענע ווערטער זיינען געזאגט געווארען אין צייט ווען דאס איז פאסיג געווען; און אז נישט דעמאלט און נישט פיעל שפעטער האבען די רעליגיעזע אידען זיך געהאלטען אן דעם.

עס איז למשל באוואוסט אז רבי אבהו האט זיין טאכטער געלערענט אידישע און אלגעמיינע וויסענשאפטען; אז רש"י'ס טאכטער איז געווען א מלומדת, א גאנצער למדן. די שוועסטער פון רש"י איז געווען נים קיין קלענערע מלומדת.

און די גוט־אידישע היימען האבען די מיידלעך געלערענט גלייך, מיט די אינגלעך. סיי אין זייער קינדהייט און סיי ווען זיי זיינען עלטער געווארען און זיינען געווען גוט באקאנט מיט די אידישע למודים.

פון רעספעקט שמועסט מען דאך נישט.

אלע מאל איז די אידישע פרוי געווען רעספעקטירט ביי די אידישע חכמים און געלעהרטע. א מאן וואס האט נים באהאנדעלט זיין פרוי איז פאררעכענט געווארען פאר א רשע.

אמת טאקע אז די איצטיגע אידישע פרויען זיינען ווייניג פארטראטען אין דער סאפרעדזשיסט באוועגונג. דארף מען דערויף אנדערע תירוצים און אורזאכען געפינען. אפשר טאקע דאס, וואס די אידישע פרוי איז ביי די אידען נישט דערנידעריגט. באין אופן האט דאס אבער נישט צו טאן מיט דער אידישער רעליגיע, מיט די אידישע טראדיציעס און מיט דער מיינונג פון דעם תלמוד וועגען פרויען.

לידער

פון מאקס גאטהעלף

קינסטלער

מאהלט דער דיכטער אים א בילד.
ווי ס'רייסט אראב דער ווינד
בלעטער פון דעם גרינעם בוים,
מיט א פארב פון שווארצען טינט.

מאהלט דער מאהלער אוים א בילד
ווי א „הענקער" מיט נצחון
שטעהט. דערביי א ריזען־בוים
ליגט ביי זיינע פיס געבראכען.

קוק איך אויף די בילדער ביידע.
דאכט זיך פארבען אלערליי
כאטש געמאהלט מיט שווארצע טינט.
זיינען דיזע בילדער צוויי.

ציווילער קריעג אין דייטשלאנד

(שלוס פון פיידוש 1)

שען מאמענט פארגעסען אן זייערע מיינונגס־פארשידענהייטען און זיי שטעלען ארוים א געמיינזאמען פראנט געגען דער נייער מאנארכיסטישער רעגירונג.

א צווייטע דעפעשע פון בערלין גיט איבער, אז א גענעראל־סטרייק איז ארויס גערופען געווארען אין קרופ'ס שטאל־פאבריקען.

די קאפ־רעגירונג האט באשטימט די נייע וואהלען אויף דעם 11־טען אפריל.

א טעלעגראמע פון אמסטערדאם מעלדעט, דאס ערצבערגער'ס ארעסט איז פארארדענט געווארען (ערצבערגער איז געווען פינאנץ מיניסטער אין עבערט'ס קאבינעט און האט מיט 10 טעג צוריק רעזיגנירט). א באפעהל איז אויך ארויסגעגעבען געווארען צו ארעסטירען עבערט'ען און קאנצלער בויער. זיי וועלען געמשפט ווערען אין „הויך־פאררראט".

אלע אמבאסאדארען פון די אליאירטע רעגירונגען, וועגען איינגעלאדען געווארען צו א קאנפערענץ מיט לאיד דזשארדזש'ען. ס'וועט פארשטאנען, דאס דארט וועט די נייבאשאפענע לאגע אין דייטשלאנד דיסקוטירט ווערען.

אן אומבאשטעטיגטער באריכט זאגט, דאס מארשאל פאש פיהרט א פראנצויזישע ארמיי צום טייך ריין.

———

בערלין, מארטש 15 — די [illegible] פון דער אראפגעווארפענער רעגירונג קלייבען אן זייערע קרעפטען צו באקעמפפען דעם נייעם רעזשים. זיי געפינען שטיצע אין די ארבייטער, וועלכע האבען ערקלעהרט א גענעראל סטרייק איבער גאנץ דייטשלאנד, אלס פראטעסט געגען דער רעאקציאנערער איבערקעהרעניש.

דער גענעראל סטרייק פארשפרייט זיך איבער'ן גאנצען לאנד. ער איז געווען פיהלבאר אין בערלין א גאנצען טאג. אלע קאפעהייזער זענען געשלאסען.

פרייסען, ווי עס זעהט אויס, איז דער הויפט פונקט, וואו די מיליטערישע רעבעלען האבען איינגעביים זייער קאנטער רעוואלוציאנערע באוועגונג. באריכטען פון איבעריגע טיילען פון דייטשלאנד ווייזען אן, דאס גוסטאוו נאסקע, עבערטס שטארקע האנט, האט גענוג מיליטער און אז די עפענטליכע מיינונג איבער'ן לאנד איז געגען דער נייער רעגירונג.

דער האמבורגער סענאט האט ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע, אין וועלכער די מאנארכיסטישע איבערקעהרעניש ווערט פארדאמט.

סטרייק באפעהלען זענען ארויסגעגעבען געווארען אין בערלין, און עס ווערט גרוואראטעט, דאס דער קריטישער מאמענט פאר דער נייער רעגירונג וועט זיין, ווען אלע ארבייטער וועלען פארלאזען זייער ארבייט.

קאנצלער קאפ האט אנאנסירט אז ער וועט אננעהמען שטרענגע מיטלען געגען א „רעבעליאן" אבער ס'גלויבט זיך נים, דאס ער זאל זיין בכח צו פארמיידען דעם אלגעמיינעם סטרייק אין בערלין און איבער גאנץ דייטשלאנד.

ווי מ'זאגט, וועלען די סאציאליסטישע פארטייען היינט־מארגען מאכען פארזיכען אפצושטעלען דאס אינדוסטריעלע לעבען.

אין בערלין פיהלט זיך שוין דער רעזולטאט פון סטרייק. דער מאנגעל פון וואסער און שפייז איז זעהר גרויס. די [illegible] פארמאכען זיך. אויב דער סטרייק וועט אנהאלטען, וועלען די פאר-

קעהר מיטלען זיין צו ענדע.

נאסקע געפינט זיך אין זאקסען, וואו ער מאביליזירט אן ארמיי. מ'גלויבט דאס ער האט א גרויסע צאהל לאיאלע סאלדאטען.

———::———

בערלין, מארטש 15 — די רעגירונג פון די שטאטען באוואריע, ווירטעמבערג און באדען האבען ארויסגעלאזט א געמיינשאפטליכע ערקלעהרונג־פארדאמענדיג די מאנארכיסטישע „רעוואלוציע" אלס א פארברעכען געגען דעם דייטשען פאלק און געגען דער פראגרעסיווער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון די דרום־דייטשע שטאטען.

די ערקלעהרונג פארזיכערט די ענטשלאסענהייט פון דיזע רעגירונגען געגענצושטעלען זיך אירגענד וועלכער אינקאנסטיטוציאנעלער און רעאקציאנערער טעטיגקייט. ס'ווערט דארט אויך געזאגט, אז דיזע שטאטען אנערקענען די אויטאריטעט נאר פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג.

ענגליכע ערקלעהרונגען זענען ארויסגעלאזט געווארען פון דארמשטאט און האמבורג.

לויט א באריכט איז פאן בערנסטארף, געוועזענער דייטשער אמבאסאדאר אין וואשינגטאן, אפגעפאהרען קיין שטוטגארט צו פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט דעם אראפגעווארפענעם קאבינעט.

דער גאווערנאר פון איסט־פרייסען, אגוסט וויניג, און דער הויפט־קאמאנדיר פון די טרופען, וועלכע באהאנגען צום ערשטען רייכסווער, האבען טעלעגראפירט צו קאנצלער קאפ'ן, דאס איסט־פרייסען אנערקענט די נייע רעגירונג. אזא מאניפעסט איז פון זיי ארויסגעגעבען דא א באשטעלונג אויף צוויי טויזענד „איסט פרייסען, וואס איז ארומגערינגעלט מיט פיינדליכע שכנים, מוז באגריסען די נייע רעגירונג וועלכע זאגט אונז צו א מעגליכקייט פון שלום און ארבייט."

(אין א פריהערדיגער דעפעש איז געווען געמעלדעט, דאס אגוסט וויניג, דער פרעזידענט פון איסט־פרייסען, און מיטגליעדער פון דער סאציאליסטישער פארטיי איז געווען ביי דר. קאפ'ען אויף א קאנפערענץ, מיט איהם איז געווען א צווייטער סאציאליסטישער טוער, דר. ווידעקום).

———

אמעריקאנער מיליטערישער פארשטעהער אין קאבלענץ געגען סטרייק

פון דייטשע סאציאליסטען

קאבלענץ, מארטש 15 — דער אמעריקאנער קאמאנדיר האט שבת געלאזט וויסען די סאציאליסטישע פיהרער אז ער וועט נים ערלויבען, דאס א גענעראל־סטרייק זאל שטערען די טעטיגקייט פון זיין ארמיי, און אז קיינע דעמאנסטראציעס וועלען נים ערלויבט ווערען אין קאבלענץ. ער האט די סאציאליסטען געגעבען אנצוהערעניש, דאס אויב זיי קענען נים קאנטראלירען די ארבייטער, וועט די אמעריקאנער ארמיי עס טאן.

די אונאפהענגיגע און מאיאריטעט סאציאליסטען האבען זונטאג אפגעהאלטען א געמיינשאפטליכע פארזאמלונג צו באטראכטען די פראגע פון פאראייניגען זיך מיט די קאבלענצ'ער סאציאליסטען

און ארויסרופען א 24 שטונדיגען סטרייק דער רעזולטאט פון דער פארזאמלונג איז נים באוואוסט.

די באהן ארבייטער אין ריינלאנד, האבען באשלאסען אנצושליסען זיך אן דעם אלגעמיינעם סטרייק, כאטש די מיליטערישע פארשטעהער פון די עלייעס האבען שטרענג פארבאטען סטרייקס אין די טעריטאריעס פון אקופאציע.

———

בערלינער נייע רעגירונג וועט פארדערען נייעם שלום־אפמאך

לאנדאן, מארטש 15 — אז די נייע דייטשע רעגירונג רעכנט צו פארהאנדלען מיט די עלייעס וועגען א נייעם שלום־אפמאך און צו פאראייניגען זיך מיט רוסלאנד וועגען קריעגס־מאטעריאל — אי אין מענשען און אי אין אמוניציע — ווערט געמעלדעט פון בערלין צו דער היגער צייטונג „טעלעגראף".

די צייטונג זאגט, דאס זי האט דיזע ידיעה באקומען פון די זעלבע קוועלען, פון וועלכע זי האט ערהאלטען די אינפארמאציעס וועגען דער געפלאנטער איבערקעהרעניש, וועלכע איז טאקע איצט פארגעקומען.

דער קארעספאנדענט גיט איבער, דאס איהם האט א רעגירונגס־באאמטער איבערגעגעבען פאלגענדעס:

„אויף דעם ראט פון בערנסטארף און קולמאן, וועט דר. פאן יאגאוו (וועלכער ווי מ'דערנקט, וועט באשטימט ווערען אויסערן־מיניסטער) בעטען די עלייעס צו באנייען דעם שלום־אפמאך אויף די באדינגונגען, ווי עס פאדערען זיי פיעלע פון די איטאליענער און ענגלישע פאליטיקער. ביז דאס וועט נאכגעגעבען ווערען, וועט די נייע רעגירונג זיך ענטזאגען פונאנדערצולאזען די דייטשע ארמיי.

„די עלייעס וועלען ווארשיינליך האבען גרויסע שוועריגקייטען אין בודאפעסט און אויך אויף דער גרענעץ פון אינדיען. די דייטשע רעאקציאנערע טראכטען וועגען ארגאניזירען רוסלאנד, אי מיליטעריש אי עקאנאמיש, גלייך ווי די בלאקאדע וועט פון דעם ראזינען לאנד ארונטערגענומען ווערען. אויב פוילען וועט זיך שטעלען אין וועג, וועט זי צעטראטען ווערען.

„געמיינשאפטליכע טעטיגקייט פון רוסלאנד און דייטשלאנד איז א גיוועק ליבע נפאהר די אליאירטע. דער סבנה'דיגער פינאן איז אבער נים דער ריין, נאר דער ווייכסעל און דער דונאי און, אפשר, נאך אויך ווייטער צו מזרח צו".

———

וויען פארדאמט בערלינער איבערקעהרעניש

וויען, מארטש 14 — די פייערונג פון דער רעוואלוציע פון יאהר 1848 איז פארוואנדעלט געווארען אין א פייערליכען פראטעסט געגען דער איבערקעהרעניש וואס איז שבת פארגעקומען אין בערלין.

פאר דער פארלאמענט געבויידע האבען דורכמארשירט אלע סאלדאטען, וואס געפינען זיך אין דער עסטרייכישער הויפט שטאט. דר. דייטש, קריעגס מיניסטער איז אויפגענומען געווארען מיט גרויסע אפלאדיסמענטען. נאך די סאלדאטען האבען פארמארשירט די ארבייטער און סאציאליסטישע ארגאניזאציעס.

דר. דייטש האט געהאלטען א רעדע אויף דעם קבר פון די מארטירער, וועלכע זענען געפאלען אין דער רעוואלוציע פון 1848.

רעדענדיג וועגען די לעצטע געשעהנישען אין דייטשלאנד, האט דר. דייטש געזאגט פאלגענדעס:

„אלע מאל ווען פרייהייט איז אריינגעטראטען אין א לאנד, האט זי באשאפען שונאים. דאס זעלבע איז אויך אין עסטרייך. מיר מוזען זיין אויף אונזער וואך. מיר טארען נים דערלאזען איבערראשונגען. מיר זענען ענטשלאסען מיט וואפען אין די הענט צו פארטיידיגען די רעפובליק, כדי אפצוהיטען די פרוכט פון דער רעוואלוציע".

———

בערלינער נייער קאנצלער געבארען אין אמעריקא

בערלין, מארטש 14 — וואלפגאנג קאפ, דער נייער קאנצלער אין בערלין, איז א זוהן פון דעם דייטשען רעוואלוציאנער, פרידריך קאפ, וועלכער איז געצוואונגען געווען צו פארלאזען דייטשלאנד גלייך נאך דער רעוואלוציע פון יאהר 1848, און שפעטער איז ער אנגעקומען קיין אמעריקא.

וואלפגאנג קאפ איז געבארען געווארען אין אמעריקא און עך איז דארטען געווען ביז ער איז אלט געווארען 12 יאהר. דאן איז ער אפגעפאהרען קיין דייטשלאנד, וואו ער האט שפעטער פארנומען פארשידענע עמטער אין פרייסישע מיניסטעריום.

הונדערט דאלאר פאר דער סופ־קיטשען פון ירושלים

די פרעזידענטין פון דער שערי צדק עקזילערי מרס. שרה קאפלאן, האט איינגעלאדען דעם היגען רב הרב לעווין אויף א לעקציע אין דער שערי צדק שוהל דער געעהרטער רב האט מהאלטען אן איינדרוקספולען פארטראג וועגען דער ווירקונג פון דער אידישער פרוי אויפ'ן היימישען לעבען. דער פארטראג האט געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק, אויף א פארשלאג פון מרס. ב. ז. סיימאן, זיינען הונדערט דאלאר געגעבען געווארען דעם רב ארדוקצושיקען פאר דער סופ־קיטשען אין ירושלים.

דאס געלט איז אפגעשיקט געווארע פון דער סענטראל רעליעף פון ניו־יארק אין ארושלים.

פארפלייצונג אין פארטלאנד מיש. 25 פאמיליען געבליבען היימלאז

פארטלאנד מיש. מערץ 14. — אן אנשווימענדער אייזבארג, וואס האט זיך פארטשעפעט אן דעם היגען אייזענבאהן בריק, האט פאראורזאכט, אז די וואסער אין גרענד ריווער זאל זיך הויבען אויף 5 פוס און פארפלייצט א טייל פון פארטלאנד.

25 פאמיליען זיינען געבליבען היים לאז. די פארפלייצונג אין איניגע פלעצער איז אגיף צוויי און א האלב פוס טיעף. עס ווערט געשאצט, אז דיזער פארפלייצונג האט אנגעמאכט אויף 35.000 שאדען.

אטארני דזשענעראל פאלמער אין דעטראיט

———::———

דער אטארני דזשענעראל פון יונייטעד סטייטס, מר. א. מיטשעל פאלמער איז געכטען פריה אנגעקומען קיין דעטראיט, באגלייט פון קאנגרעסמאן ע. דארעמוס, מיט דעם צוועק צו קאנפערירען מיט די היגע דעמאקראטען מכח זיין קאנדידאטור פאר פרעזידענט.

נעכטען בייטאג איז איז ער אפגעפאהרען קיין פארט וויין און היינט אין דער פריה וועט ער דא צוריק ערווארטעט. ער וועט דא פארברענגען דעם גאנצען טאג.

כעקאנטמאכונג צו די דעטראיטער אידען

מאנישעוויטש'ס מצה גיט א פראצענט פאר'ן בית יתומים

אויפרוף צו אלע דעטראיטער לאנדסלייט

אנשים ונשים וטף

דאס הייסט מענער, און פרויען, אלטע יונגע באיעם און גוירלס! פערפעהלט נישט צו קומען צו א פעקעדזש פארטהי וועלכע עס וועט שטאטפינדען זונטאג דעם 21־טען מערץ, אום 7 אוהר אווענד אין תפארת ישראל שוהל ווילקענס סט. (ביטווין הייסטינגס און ענטוין).

ברודער און שוועסטער, זייט וויסע', אז קיין איין זאך טוט זיך נישט אהן השגחה פיליכט זענט איהר געשיקט געווארען אין דיזען לאנד צו רעטען פון הונגער טוים אונזערע ארעמע בריגער, שוועסטער און קינדער און אלמנות און יתומים. וועלכע געפינען זיך אין אונזער שטעדטעל ברעזניץ

רחמנים בני רחמנים

דערוועגט דעם רחמנות און אייערע הערצער און קומט צום פערזאמלונג, ד. ה. צום פעקעדזש פארטהי

די ברעזייצער קאמיטע.

האט איר ריעל עסטייט צו פארקויפען?—

א הויז
—א לאט
—אן אפארטמענט
—א סטאר
—א פעקטארי

איר קענט דאס שנעל פארקויפע פאר דער העכסטער פרייז דורך די „צו פארקויפען" אדס פון „וועג"

Phone Main 3715

MAR 22 1920

The only Jewish Paper Printed in Michigan

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and Distributed under permit No. 179 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH. Wednesday, March 17th 1920 Vol. 2, No 30 מיטוואך, מארטש 17־טער 1920

עבערט וועט ניט מאכען קיין קאמפראמיס מיט יונקערס; הינדענבורג ראט קאפ׳ען צורעזיגנירען

פיעל קרבנות אין דייטשע שטעט

בערלין, מארטש 16. — ס'ווערט באריכטעט, דאס 15 פערזאן זענען דערהרג'עט געווארען און פיעלע זענען פארוואונדעט אין א שלאכט אויף די גאסען אין שטיגליץ, א פארשטאט פון בערלין. אין א צווייטער בערלינער פארשטאט, שארלאטענבורג, זענען 4 פערזאן געטויטעט געווארען אין א צוזאמענשטויס מיט סאלדאטען.

קאפענהאגען, מארטש 16. — אין א טעלעגראמע פון האמבורג ווערט געמעלדעט, דאס אין א צוזאמענשטויס צווישען שטאטישער מיליץ און באלטישע סאלדאטען זענען איבער 30 פערזאן גע'הרג'עט געווארען, צווישען די געפאלענע קרבנות געפינען זיך פרויען און קינדער.

לאנדאן, מארטש 16. — פיעלע זענען גע'טויט'עט געווארען אין בערלין, [illegible] פערזאן האבען אטאקירט דעם רייכסוועהר. סאלדאטען האבען געשאסען אויף דעם המון, טויטענדיג און פארוואונדענדיג פיעלע פערזאן.

א צווייטע רייטער־דעפעש מעלדעט, אז מאשין־ביקסען זענען באנוצט געווארען אין די גאס־שלאכטען אין בערלין.

אונטערהאנדלונגען מיט קאפ'ען אפגעלייקענט פון עבערט'ען.

קאנצלער קאפ האט ערקלערט, דאס ער האט זיך אפ מיט'ן באשטימען פון א מיניסטאריען־קאבינעט, ווי ס'קומען פאר אינטערהאנדלונגען מיט דער אלטער רעגירונג.

לופט־שיפען פון דרעזדען אדער שטוטגארט זענען געפלויגען איבער בערלין, [illegible] אראפווארפענדיג קאפיעס פון א פראקלאמאציע, אין וועלכער עבערט און נאסקע, אפעלירענדיג צום פאלק [illegible] צו שטיצען די רעבעלירענדע רעגירונג, פארזיכערען, דאס ס'איז ניט ריכטיג, אז זיי פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט די בערלינער יונקערס, ווייל ס'איז אונמעגליך צו מאכען מיט זיי אירגענד וועלכען שלום.

א קורצער איבערבליק פון דעם קריזיס אין דייטשלאנד לויט באריכטען פון דער אסאשיאייטעד פרעס.

דייטשלאנד'ס צוויי רעגירונגען — די נייע אין בערלין און די אלטע אין שטוטגארט — זענען נאך אלץ אין קאמף פאר דער אויבערמאכט. ניט קוקענדיג אויף די באריכטען, וואס האבען זיך פארשפרייט אין פאריז, דאס אונטערהאנדלונגען קומען פאר צווישען די ביידע רעגירונגען צו געפינען אן אויסוועג, פארזיכערט גאנץ באשטימט די עבערט־רעגירונג, אז קיין קאמפראמיס וועט ניט געמאכט ווערען, ס'ווערט ערווארטעט, דאס היינט זאל זיך אנפאנגען דער ענטשיידענער קאמף פאר דער קאנטראל איבער דייטשלאנד'ס אינערליכע אנגעלעגענהייטען.

קאנצלער קאפ, אונטערשטיצט פון [illegible] וועלכע האבען איהם געהאלפען צו פארטרייבען די עבערט־רעגירונג, איצט פעסט אין דייטשלאנד'ס [illegible]

[illegible] ער צייט, פיהלט שוין [illegible] רעזולטאטען פון דעם [illegible] וועלכען די סאר[illegible] איהם — דעם גע[illegible]

נעראל סטרייק. ער זאגט אבער, דאס ער וועט געגען דעם דאזיגען סטרייק אננעהמען שטרענגע מיטלען.

אין שטוטגארט רעקלערט עבערטס רעגירונג, אז קאפ'ס אנבאטען קענען ניט באטראכט ווערען, סיידען ער וועט זיך אונטערגעבען אן קאנדיציאנעל.

הינדענבורג געגען דער יונקערישער איבערקערעניש

פעלד־מארשאל פאן הינדענבורג, וועלכער איז דערמאהנט געווארען אלס קאפ'ס קאנדידאט פאר פרעזידענט, האט ערקלערט, דאס ער איז ניט נאר ניט פארבונדען מיט דער נייער רעגירונג, נאר ער איז געגען דער איבערקערעניש.

מארגען דאס צוזאמענקומען פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג.

די נאציאנאלע פארזאמלונג, וועלכע איז פון פאן קאפ'ס יונקערס צוטריבען געווארען, וועט מארגען זיך צוזאמענקומען אין שטוטגארט צו באטראכטען דעם קריזיס.

קרוין־פרינץ געהיט פון האלאנד

די האלענדישע רעגירונג האט צוגעשיקט א טארפידא־שיף אין דעם אאסטערלאנד האפען, וויערינגען אינזעל, צו היטען דעם געוועזענעם קרוין־פרינץ. דיזע ידיעה ברענגט א האג'ער צייטונג.

דר. געפעלט, פרעזידענט פון דער דייטשער שלום־קאמיסיע אין פאריז האט זיך ענטזאגט אנצונעהמען באפעהלען פון דער יונקערישער רעגירונג, ערקלערענדיג, דאס ער האט זיין מאנדאט פון עבערט'ען [illegible] ער זעצט פאר זיין טעטיגקייט [illegible] דער אויספיהרונג פון שלום [illegible]

[illegible] דעפעשען גיבען איבער, דאס די אונאפהענגיגע רעגירונג האט זיך געגרינדעט אין דעם ריין־טאל און וועסטפאליע. די קאמוניסטען האבען דארטען ערקלערט א גענעראל סטרייק.

דער אריינגאנג אין די הויפט גאסען זענען פארשטעלט מיט טויט־דראטען, וואס סאלדאטען, פון פאן לוטוויטש האבען אויסגעשטעלט.

לאיד דזשארדזש הייסט אפווארטען און זעהן וואס ס'וועט זיך ענטוויקלען.

לאנדאן, מארטש 15. — די דייטשע לאגע איז היינט פארגעבראכט געווארען אין ענגלישען פארלאמענט. פרעמיער לאיד דזשארדזש, רעדענדיג וועגען דער איבערקערעניש אין בערלין, האט ערקלערט, דאס די אלייאירטע רעגירונגען וואלטען באטראכט מיט גרויס פארדרוס א בעוועגונג, וועלכע זאל פיהרען צו דעם אויפלעבען פון דער מאנארכיע אדער א מיליטערישער רעאקציע, אבער ס'איז ראטזאם אפצווארטען און זעהן, וואס ס'וועט ווייטער פארקומען, איידער אירגענד וועלכע אקציאן וועט אנגענומען ווערען.

פראנצויזישע רעגירונג גלויבט ניט, דאס קאפ'ס רעזשים וועט לאנג אנהאלטען

פאריז, מארטש 15. — פראנקרייך האט באשטימט מ. ברויער אלס אומאפיציעלען פארשטעהער אין שטוטגארט, דער פראוויזארישער פלאץ פון דער עבערט־רעגירונג.

די דעפעשען, וואס דר. מייער, דייטשער אמבאסאדאר, האט ערהאלטען, באשטעטיגען דעם פראנצויזישען שטאנד־

פונקט, דאס קאפ'ס יונקערישער ממשלה אין בערלין וועט [illegible] פארשווינדען. קאפ'ס שטיצע ווערט באטראכט אלס א מיליטערישע אוואנטיורע.

האג, מארטש 16. — הונדערט מענשען זענען גע'הרג'עט און 150 שווער פארוואונדעט געווארען אין בלוטיגע גאס־שלאכטען אין לייפציג און אין פראנקפורט. דיזע ידיעות זענען דא היינט ביי'ם ערהאלטען געווארען פון פראנקפורט.

ישענעווא, מארטש 16. — איינע פון די באדינגונגען, וועלכע גענ. פאן ליטוויטש האט ארויסגעשטעלט צו דער עבערט־רעגירונג, איז דאס די דעמאבילזאציע פון דער דייטשער ארמיי, וועלכע איז פארגעשריבען פון דעם שלום אפמאך זאל ניט אויסגעפיהרט ווערען און אז די קריעגס מאטעריאלען זאלען ניט פארניכטעט ווערען.

דיזע ערקלערונג האט געמאכט הער בויער, פרעמיער פון דער אלטער רעגירונג אין שטוטגארט.

הער בויער האט אויך דערצעהלט, דאס גענ. לוטוויטש האט איהם פארגעשלאגען, דאס דייטשלאנד זאל זיך צוגרייטען צו באנייען דעם קריעג. דער פרעמיער האט דאן געזאגט: „אויב דאס זענען זיינע באדינגונגען, קען מען שוין פארשטעהן וואס עס זענען די ציעלען פון קאפ און זיינע ארויסהעלפער.“

קאלאן, מארטש 16. — די רעזיגנאציע פון דר. וואלפגאנג קאפ, קאנצלער פון דער נייער בערלינער רעגירונג ווערט דא באטראכט אלס אונפארמיידליך. פעלד־מארשאל פאן הינדענבורג האט אנגעשריבען דר. קאפ'ן א בריעף, אין וועלכען ער ראט איהם צו רעזיגנירען.

אין מארגענדיגען נומער „וועג“

אן אינטערעסאנטער ארטיקעל פון ז. ק. וועגען דער מיליטערישער איבערקערעניש אין דייטשלאנד און וואס מיר וואלטען געמעגט ערווארטען אז די עליים זאלען פון דער איבערקערעניש אפלערנען.

דער אמעריקאנער יוסטיץ דעפארטמענט ווארנט זיך איצט מיט א פראגע וואס איז ארויסגעקומען צוליעב די פארפאלגטע ראדיקאלען אין דעטראיט — וועגען דעם שרייבט אין מארגענדיגען נומער אן ארטיקעל י. ראבינאוויטש.

דער סעקרעטאר פון דער אידישער קאנגרעס קאמיסיע קיין פאריז, ב. ג. ריטשארדס שרייבט אין מארגענדיגען „וועג“ אן ארטיקעל וועגען דעם וואס די אידען אין אייראפא ערווארטען פונ'ם אידישען קאנגרעס אין אמעריקא.

א הומאריסטישע לעקציע פון ר' ברי"ל. דאס מאל איז עס א לעקטשור וועגען טעלעפאן. ווער ס'וויל קען דיזע לעקציע איבערלעקטשורען ביי זיך אין פאראיין.

אין דעטראיט פיהרט די פיפעלס ריליעף אן א קאמפיין פאר די קינדער־היימען. וואס זיינען און וואס שטעלען מיט זיך פאר די קינדער־היימען, וועגען דעם שרייבט מארגען ב. י. גאלדשטיין אין זיין עדיטאריעל.

אויף דעטראיטער גאסען

באנדיטען באראויבען רעסטאראן און פארשווינדען אין א גע'גנב'עטען אויטאמאביל

דריי באוואפענטע באנדיטען זיינען זונטאג 1 אזייגער ביינאכט אריין אין רעסטאראן פון 1219 וואודווארד עוו., געמאכט א האלד אפ אויף דעם אייגענטימער, פיטער דומא און אויף איינינע פערזאנען וואס האבען דארטען געגעסען און גערויבט 47 דאלאר פון קעש רעדזשיסטער.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען פארטיג געווארען זיינען זיי ארויס אין דרויסען, געמאכט א האלד אפ אויף א טעקסי דרייווער מיטן נאמען פרעד שולטין און איהם געצוואונגען מיט רעוואלווערען אין די הענד ער זאל טרייבען דעם אויטאמאביל וואס שנעלער און וואוהין זיי וועלען הייסען.

אביסעל שפעטער איז פרעד שולטין געקומען אין פאליס סטיישאן און דערצעלט, אז די באנדיטען זיינען ארונטער אויף פארט עוו. און לידיארד סטריט.

דערשטאכען אן אמעריקאנער ניט אין מעקסיקא נאר אין דעטראיט

מאנועל אלווערדא, א מעקסיקאנער, האט נעכטען אריינגעשטאכען א מעסער אין זייט א געוויסען מייק מענפיידוש 34 יאהר אלט. דער געשטאכענער ליעגט יעצט אין רעסיווינג האספיטאל אין א שטארבענדען צושטאנד.

אלווערדא האט געארבייט מיט מענפיידוש'ן אין דער לייק סייד פאונדרי. אריינקומענדיג נעכטען פריה צו דער ארבייט האבען די צוויי בעלי מלאכות זיך אזוי גענומען קריעגען, אז ביידע האבען גלייך געקראגען די „סעק“.

ארויסגעהענדיג אין דרויסען, האט זיך די מלחמה אנגעפאנגען נאך מיט מעהר קאמפפלוסטיגקייט און אלווערדא האט אויף אן עכט מעקסיקאנישען שטייגער אוועקגעלעגט זיין געגנער מיט א מעסער אין זייט.

19 יאהריגער גנב כאפט א קוילע פון א דעטעקטיוו'ס פיסטעל.

רודני קאטאן, 19 יאהר אלט פון 1636 וואודווארד עוו. ליעגט יעצט אין רעסיווינג האספיטאל מיט א קויל וואונד אין זייט.

געקראגען האט קאטאן די קויל פון דעטעקטיוו פיערס'עס רעוואלווער, ווען דער לעצטער האט זיך נאך איהם געיאגט און ער האט זיך ניט געוואלט אפשטעלען.

קאטאן איז נעכטען 10 אזייגער אין דער פריה געכאפט געווארען פון דעטעקטיוו פיערס און הערי מעקעי גנב'ענענדיג עלעקטרישע „באלבס“ פון א סיין אויף וואודווארד עוו.

ווען דער בחור האט דערזעהן די דעטעקטיווס האט ער זיך געלאזט לויפען, און דעטעקטיוו פיערס האט אויף איהם געפייערט מיט זיין רעוואלווער.

זיין צושטאנד איז זעהר ערנסט. דאקטוירים ערקלערען אז ער האט ניט קיין שאנסען צו לעבען.

אויטאמאביל שיסעריי צווישען גנבים און דעטעקטיווס

אן אויטאמאביל געיעג אויף דריי מייל צווישען דעטעקטיווס און גנבים, באגלייט מיט א גוואלדיגער רעוואלווערען־שיסעריי האט זיך נעכטען אנגעפאנגען אויף גרענד בולווארד און גרענד ריווער עוו. און האט זיך געענדיגט אין שעין סטריט, נעבען פאלמער עוו. ווען די חברה, פיער אין צאהל, זיינען ענדליך געכאפט געווארען.

די פיער תכשיטים ווערען באשולדיגט אין האבען איינגעבראכען איינינע סייפס.

פעי מאסטער פון הינער באנק בארויבט פון 5000 דאלאר

אוירל רעלברידוש, פעי מאסטער פון דער מארטאן בעקינג קאמפאניע, איז מאנטאג ביי טאג באפאלען געווארען פון באנדיטען, ווען ער איז געזעסען אין זיין קאר אויף פארט סטריט, איין בלאק ווייטער פון סיטי האל. איז בארויבט געווארען אין $5,000, וואס ער האט מיט זיך געפיהרט, און איז נאך געווען געצוואונגען צו טרייבען דעם אויטאמאביל צוויי מייל אויף דעם באפעהל פון די „האלד אפניקעס“.

ווען דער אויטאמאביל איז אנגעקומען אין וועסט גרענד בולווארד, האבען די באנדיטען ארויסגעווארפען זייער קרבן פון אויטאמאביל און זיינען זיך אוועקגעפאהרען ווייטער.

דער „האלד אפ“ איז פארגעקומען נעבען דער פעניסולאר סטייט באנק — אין הארץ פון דעטראיטער פינאנץ קווארטאל — אין די אויגען פון הונדערטער פארבייגעהער.

אט אזעלכע געשיכטעס טוען זיך אפ לעצטענס ביי אונז אין שטעטעל אין מיטען העלען טאג און ס'איז ניטא קיין קלאגער און קיין ריכטער.

די פאליציי האט נאך ביז יעצט ניט געפונען קיין סליאד צו די באנדיטען.

דאס מערקווירדיגסטע איז, וואס דער סיידוואק איז פשוט געווען שווארץ מיט מענשען און קיינער פון די פארבייגעהער האט ניט געהאט גענוג מוט זיך אריינצומישען, ווען א באנדיט איז איבערגעשפרונגען פון זיין קאר אין דעלברידוש'ס. אלע האבען געזעהן ווי דער באנדיט האט ביי איהם ארויסגעריסען דעם סעטשעל מיט געלט און איבערגעווארפען אין דער צווייטער קאר, וואו די אנדערע באנדיטען זיינען געזעסען, און דער עולם איז פינדעסטוועגען געבליבען גלייכגילטיג, גלייך ווי גארניט וואלט האבען פאסירט.

זי ליעבט איהם כאטש ער איז א באנדיט

ביי אונז אין דעטראיט האט זיך לעצטענס אפגעשפיעלט א געשיכטע, וואס ווען מען זאל עס לייענען אין א ראמאן, וואלט מען געזאגט: „ס'איז איבערטריבען“.

אבער ס'איז א פאקט, וואס האט ערשט פאסירט לעצטען מאנטאג.

די העלדין פון דיזען אמת'ן ראמאן איז אסתר בורטאן, א שעהנע דעטראיטער ווייבעל פון 23 יאהר, וועלכע זוכט א גט פון איהר מאן אום צו הייראטען מיט איהר געליבטען לעא פאבערט.

פאבערט, א בחור פון 19 יאהר, איז א לאנגע צייט ארומגעזוכט געווארען פון דער הינער פאליציי, אלס איינער פון די מערדער פון אן איטאלענישען רייכען סוחר פון יאנגסטאן, אהייא, מיט'ן נאמען אנטאניא ווערנוצי.

מיט איינינע וואכען צוריק איז די הינער פאליציי אינפארמירט געווארען, אז לעא פאבערט און עדווארד פונטשאן, די מערדער פון דעם יאנגסטאנער איטאליענער, געפינען זיך אין דעטראיט.

דעטעקטיווס האבען באלד אנגעפאנגען מאכען אויספארשונגען און ערשט לעצטען מאנטאג האבען זיי זיך דערוואוסט, אז די חברה ווערען באשיצט אין הויז פון 79 פעדערווארד עוו., וואו עס וואוינט די מרס. בורטאן מיט איהר מוטער.

ווען די דעטעקטיווס זיינען צוגעקומען צו יענער הויז, האבען זיי געטראפען די טיר פארשפארט, און עפענען האט מען ניט געוואלט.

זיי האבען אויפגעעפענט די טיר, און נאך א פאר מינוטען ארומזוכען, האבען די דעטעקטיווס געפונען די צוויי חברה באהאלטען אין א שאפע, פון וועלכער די טיר איז געווען פארהאנגען מיט א סארט קלאטה, וואס זעהט אויס ווי פון איין שטיק מיט דעם וואנט־פאפיר.

אזוי שנעל ווי די חברה זיינען אריינגעפאלען צו די דעטעקטיווס אין די הענט, איז די מרס. בורטאן צו זיי צוגעלאפען און זיך גענומען בעטען:

„א, אפיסערס! וואס געהט איהר טאן? איהר ווילט זיי נעהמען אויפ'ן עלעקטריק־טשער? איך האב איבער לעא'נען געוואכט טאג און נאכט, ווייל איך האב מורא געהאט, ער וועט באגעהן זעלבסטמארד. איך האב אפילו באהאלטען זיין רעוואלווער און די קוילען.

„איך ווייס, אז ער איז אומשולדיג — האט מרס. בורטאן זיך ווייטער געבעטען — אבער ער פלעגט אלעמאל זאגען, אז ער וועט זיך בעסער שיסען, איידער טראגען אויף זיך דעם פארדאכט פון אזא זאך. איך האב געפונען נאטיצען פון א בריעף, וואס ער האט געשריבען צו זיין מוטער אין וועלכען ער זאגט: „גוד באי מא“! לעא איז א גוטער יונג און ער וואלט קיין מאל ניט אריינגעפאלען אין אזא „מיקס אפ“, ווען ניט רעוואלווער אין די קוילען.

נעכטען אין דער פריה, איז מרס. בורטאן גענומען געווארען אויף א פאר הער אין דער וואמענס דעטענשאן האם, וואו מען האט געזוכט פון איהר ארויסקריגען אינפארמאציע, אבער עס האט ניט געהאלפען, מרס. בורטאן איז איבערצייגט, אז איהר געליבטער איז אומשולדיג און ריין פון יעדער זינד...

„לעא — האט זי געזאגט — איז די גאנצע צייט געווען ענטשלאסען, אז די פאליציי זאל איהם א לעבעדיגען ניט קריגען. זיכער האבען מיר ניט געזאגט דעם אמת צו די דעטעקטיווס, און דאס איז געווען בלויז נאטירליך, ווייל איך האב ניט געוואלט אז לעא זאל אריינפאלען צו דער פאליציי.

„איך האב אפגעמאכט מיט לעא'ן, אז מיר'ן געהן הייראטען אזוי שנעל, ווי איך וועל ארויסקריגען א גט. איך בין שוין אפגעשיידט פון מיין מאן דריי יאהר צייט. לעא'ן קען איך פאר די לעצטע פינף מאנאטען און איך וועל קיין מאל, קיין מאל ניט אויפגעבען מיין צוטרויען צו איהם.

די צוויי חברה זיינען שוין אפגעשיקט געווארען קיין יאנגסטאן, אהייא און וועלען דארטען געשטעלט ווערען צום געריכט.

דערווייל איז נעבאך די מרס. בורטאן געבליבען מיט א צובראכען הארץ.

אוי, די מואווינג פיקטשורס!

טשאלס דזשאנס, וועלכער זאגט אז ער איז א „יענקי דודעל פון וויאנדאט“, האט לעצטען מאנטאג געצויגען די אויפמערקזאמקייט פריהער פון א גרויסען קראוד אויף ראנדאלף סטריט און דערנאך פון אלע אנוועזענדע אין פאליס קאורט.

און שולדיג איהם זענען די מואווינג פיקטשורס.

מאנטאג ביי טאג איז דזשאנס געשטאנען אויף ראנדאלף סטריט און געגאסען מיט ביטערע טרערען און געשריען און געוואלדעוועט, גלייך אימיצער וואלט איהם אפגעקוילעט.

א פארבייגעהענדער פאליסמאן איז געווען זיכער, אז דער מאן איז שיכור, האט ער איהם ארעסטירט.

געקומען אין פאליס קארט, האט זיך גאר ארויסגעוויזען אז דזשארדזש איז ניט שכור נאר משוגע:

„איך האב געוויינט אויף דעם חורבן וואס די מואווים לערנען אונזערע קינדער גנב'ענען. זיי זעהען א שאו, און ווען זיי קומען אהיים, גנב'ענען זיי ניקעלס און דיימס.. זיי לערנען זיך אויך אויס צו פארבען זייערע פנים'ער און'..

טרעהרען האבען גענומען שטיקען דעם פריזאנער אין האלז און מעהר האט ער ניט געקענט רידען.

דער דזשאדזש האט איהם געטרייסט אז ס'לוינט זיך ניט צו זארגען איבער אזעלכע זאכען און האט איהם אנגעזאגט אז אויב ער וועט אין דער צוקונפט זיך צופיעל זארגען וועגען דעם שיקזאל פון די קינדער, וואס באזוכען מואוויס, וועט ער אליין זיין דער גרעסטער מואווי קרבן, ווייל פאר מאכען א טומעל אין מיטען גאס געהט מען אין דזשייל.

צו אונזערע לעזער אין פלינט

אונזער פארשטעהער י. ל. מאלאמוט וועט די טעג באזוכען פלינט אין די אינטערעסען פון „וועג“.

פאר דער צייט וואס ער וועט זיין אין פלינט וועט מען איהם קענען טרעפען ביים שוחט, מר. ג. דיקשטיין. אלע וואס ווילען זעהן מר. מאלאמוט'ן וועלען איהם דארטען טרעפען.

דער וועג פאבלישינג קא.

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר היטאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

פארלאנגט א בא'י, 17 אדער 18 יאהר אלט, צו ארבייטען אין א מענ'ס קלאָדינג סטאָר, און זיך לערנען סיילעס־מענשיפ. וועט קריגען באצאהלט און לערנען. שטענדיגער פאזישאן, מוז האבען רעפערענס. פרעגען 355-57 מישיגאן עוו. טעל. טשערי 1311ר (17

קלאָדינג און דזשענטס פארני־שינג סטאָר, גוט איינגעטרייעטער סטאָר, צו פארקויפען אין אן ארבייטער געגענד. זיכער א לעבען צו מאכען. אורזאכע — פארלאזען דאס לאנד, ביליג רענט. פרעגט נאך 1693 ראסעל סטריט, ס. סינעמאן. (21

לענדלארדס אויפמערקזאם! פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, ליסען, אדער רענטען פאר ווייסע און ניגראס, **האריס און לואיס**, 481 אנטוויין סט., טעל. טשערי 8014 (19

צו רענטען א קאטעדזש, 80 איסט ווארען, 7 רומס. וועל פיקסען די פראנט פאר א סטאָר אויב פארלאנגט. זעהר א גוטער געגענד פאר א גראָסערי, פרעגען: גלענדייל 2737 (17

שומרי שבת, שניידערס, וועלכע היטען שבת גוטע ווידזשעס. פרעגען: א. מעסערמאן, 100 איסט קאנגרעס. (21

באקאנטמאכונג!
מר. אלטער קאצער
דעטראיט'ס בעסטער מוהל פאר די לעצטע 20 יאהר, לאזט וויסען דאס פובליקום, אז ער האט געמופט פון 263 פאראנסווארטה צו 140 מעדבערי קארנער בראש. טעל. מארקעט827.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער, ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפּ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן גיהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
געהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגנאיבער עהרליך'ס דזשולערי סטאר.

וואלע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קאָרטענס, פענסי פיגורס. מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. געמאכט גאר פון רייגער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דוראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אקלאנדער אידען
לאזט פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אקלאנד עוו.

INJECTION BROU
דיא קאנגישע בעהאנדלונג
דירעקט — שנעל — עפעקטיוו
פאר די הארטנעקיגסטע פעלע
פארקויפט ביי אלע דראגיסטס.

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און בויס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעסיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

פארלאנגט אגענטען סובסקרייבער פאר'ן "וועג". ליבעראלע קאמישאנס געצאלט. קענען מאכען 100 דאלאר א וואך. פרעגען אין אפיס פון "וועג".

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס. נייע גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

H. M. Kofman
296 הענקאק עוו. איסט
טשערי 1472 מעלראוז־3595 דאבעלי
באזארגט זיך גלייך מיט אש און גארבעדזש, סעמענט רעספעקטיקעלס, ווייל פון 1־טען מארטש ווערט די פרייז געהעכערט
ווארט ניט ביז די באארד און העלט וועט אייך באדערען.

I. Sarver
קאנטראקטאר פאר
פיינטינג, פייפער הענגינג דעקארייטאר און פלאסטערער
137 ליווינגסטאן
גוטע ארבייט און ביליג.
שבת און יום טוב געשלאסען

וויל איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענטער־זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלםסט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון רעקטאנגל סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, אנטארס, שעלוס, סייבס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניוצטע, מייערע מעשינען, ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
עלייבל סטאר פיקטשור קא.
300 גרעשאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

דער באוואוסטער ה.
ל. ה. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
ביי שמחות מיט די בעסטע צופרידענהייט.
5ר קעמערא עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעלוו

מאשין־פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
בעסטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אינגלארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
רוזשי סיגעל און באשי
אייגענטהימער
203 הייסטינגס סט.

VIENNA SAUSAGE MFG. Co.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef Tongues Etc.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשוי לעפקאווסקי און סאנב
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס
— די —
סטענדערד באסקעט קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע
רמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

— וואס טו איך דא! האט פיאדאר געזאגט און זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען — וואס טו איך איצטער אין דעם „סעווערני האטעל", וואס האב איך דא פארבראכט א גאנצען אכט, וואס האב איך זיך געמוטשעט ווי גלייך די גאנצע וועלט איז אויף מיר געפאלען ווי גלייך איך בין דער אומגליקליכסטער אויף דער וועלט? אויף וועמען ווארט איך דא — אויף דעם נידריגען פארדארבענעם מענשען, דעם פאדליעץ! איהם וויל איך זיך איבערגעבען מיט מיין גאנצן הארץ? וואס איז ער מיר? און וואס געהער ער זיך אן מיר אן. איך וועל איהם הייסען ארויסווארפען פון דאנען, איך געה פון דאנען אוועק. —

וואו וויל איך געהן? ער וועט זיך קומען, איך האב אויף איהם אזוי פיעל געווארט, איך האב דאך איהם געשריבען אז איך דארף זיך נויטיג מיט איהם זעהען, ער איז דער איינציגער מענש וואס קען מיך ראטעווען, איך זאל קענען רוהיג לעבען, ער איז דער איינציגער מענש וואס קען געפינען די אומגליקליכע וואו איך, מערדער, האב אזוי ומגליקליך געמאכט — איך האב זי געבראכט דערצו — צו אזא לאגע, איך האב געזוכט אין גאנץ ארעס וואו איך האב נאר געקענט און ניט געקענט געפינען, איך קען זיך ניט אראפלאזען אזוי נידריג אין די א־ע געמיינע ערטער זי צו געפינען, מיט נייע לייט ווי לעדערבארג איז־זיך באקענען אז זיי זאלען זי געפינען, פאסט פאר גייך אודאי ניט. מיט איהם בין איך שוין באקאנט, עס קען מיך שוין סאי ווי סאי, און וואו איז דען נאך אזוי אין שטאנד זי צו געפינען ווי ער? נאר ער איז דער איינציגער מענש וואס קען מיר אזא טובה טאן, א דאנק איהם וועל איך זי געפינען, איך וועל נאך זעהן לאה'ן איך וועל די אומגליקליכע גליקליך מאכען, איך וועל פאלען צו איהרע פיס, זי וועט מיר מוחל זיין און איך וועל איר עס לעבט נאך, וועל איך הייסען זי זיין אזוי רוהיג אזוי גליקליך; דאס קינד זאל עס צונעמען צו זיך. גאט, איז דאס ריעגליך, לאה איז געקומען צו אזא נידריגען שטאנד! נאר איך האב אליין געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, איך האב דערקענט איהר קול, איך האב געזעהן איהרע ברענענדע אויגען, קיינער האט ניט אזעלכע אויגען; אין ר... וואו איך האב נאכמעפרעגט, איז זי ניט דא, מען האט זי ארויסגעגנב'עט, זי איז אנטלאפען, נאר ווי אזוי מען דערצעהלט שוין דארט, נאר געווים איז זי דארט ניט דא, זי איז אין אדעס, און איז איבערגעקומען אויף אזא לעבען, וואו איז איהר איך האב ניט געוואוסט אז זי קען ווערען אזוי אומגליקליך, איך האב ניט געוואוסט עס איז ניט מעגליך זי זאל קומען צו אזא שטאנד, א לייטיש מיידעל קען זיך ניט אראפלאזען אזוי נידריג, און ווען יא איז זי משוגע אזוי ווערט. וואס זשע בין איך דא שולדיג? וואס זשע מוטשע איך זיך אזוי? שוין באלד אפשר מעהר פון א חודש אז איך לעב ניט, איך בין שיער ני מאראפגעפאלען פון דער קארעטע אויף דעם בולווארד ווען איך האב זי דערזעהן. מיין כלה האט זיך שטארק געשראקען פאר מיין געזיכט, איך בין דערנאך עטליכע טעג ארומגעגאנגען ווי קראנק. נייך, איך בין נאר א משוגע'נער און וויטער לייט, וואס געהער איך זיך צו איהר, וואס איך דארף אזוי לוידען איבער איהר? איז זי דען אויך אזא מיידעל, וואס זשע איז? אז ווען איך בין געווען אין ר... האב איך געזאגט, בין איך דען איינער א יונגער מאן, איז זי דען געלעגען ביי מיר אינע? אך זאל וועלען רחמנות האבען, וואלט אך באדארפט רחמנות האבען אויף די אלע זלידנים אם זעהען זיך ארום די גאנצע נאכט איבער די אדעסער גאסען, בין איך עפעס א בעל טובה'ניק אין שטאדט וואס איך דארף נאכלויפען נאך מצות, אומגליקליכע מאכען גליקליך? איך בין נאך א יונגער מאן, איך דארף פריהער לעבען, לאזען דערוויילע אלטע בעל עבירה'ניקעס טאן אזוינע מצות, ווען איך וועל ווערען אלט על איך זעהען טאַמער על איך זיך טאקע אויף דער עלטער אפגעבען מיט מצות, אבער איצטער הא, חא, איז ניט צום לאכען, ווייל איך זיך נאך פארבינדען מיט אזא פאדליעץ ווי לעדערבארג צוליעב איהר, ער זאל קענען פון מיר צאפען אלע מאל נייע געלט! א, ניין, איך וועל נאר ניט ווי עס קומט צו מיר אזא נארישקייט צו האבען אין זינען אזוינע געשעפטען; איך וויל פון אזא נידריגע זאך אפילו ניט וויסען, וואס קעהרסטו זיך אן מיט מיר?

פיאדאר האט זיך אין גאנצען באַרוהיגט און האט זיך געפיהלט זעהר גוט, נאר ער האט זיך געפיהלט זעהר הונגעריג, ווייל ער האט געפאסט דעם גאנצען טאג, ער איז אויך געווען זעהר מיעד. ער האט א קורצע געטאן און זיך געהייסען דערלאנגען עסען, מיט א זעהר ווטען אפעטיט האט ער אפגעגעסען, זיין באוויזען אין די באקען און ער האט זיך שטענדיגע פרעהליכע פארב, האט זיך איהם געפיהלט גוט און פרעהליך, פונקט ווי דער אמאליגער פיאדאר.

נאך דעם עסען האט ער זיך אויסגעצויגען אויף דער ברייטער סאפע מיט ביידע פיס ארויף, פארויכערט א פאפיראס; ווענען לאה'ן האט ער אזוי גיך פארגעסען ווי גלייך עס איז גאר קיין לאה קיינמאל ניט געוועזען אויף דער וועלט, ער איז געוועזען פארטיעפט אין די ביינעלעך פון רויך וואס ער האט אלע מאל אזוי קינצליך ארויסגעלאזט פון מויל, וויטער געצויגען דעם פאפיראס און וויטער געפאוט נייע ביינעלעך, וואס האבען זיך פריהער געוועהט ברייט, דערנאך העכער און העכער, שמאלער און שמאלער, ביז עס איז געווארען א סך קליינע ביינעלעך, האבען זיך אזוי שעהן אנגעהויבען טשעפען איינס מיט דעם צווייטען פונקט ווי קליינע ברידערלעך, און שוועסטערלעך שפיעלען זיך און שלאגען זיך, און דער וואס איז געזונטער און גרעסער דער איז גובר, לאך אט לאזט זיך ארוים פון זיין מוי לא בייע גרויסע ראד און צושלאגט נעבעך אלע קליינע, ביז עס בלייבט פון זיי גארניט, א. ז. וו. קוקענדיג אזוי ווי די ביינעלעך זענען זיך איינס דאס אנדערע גובר, האט ער געהערט פלוצים א קלאפּ אין דער טיר:
„מען קען אריין געהן?"
— ווער איז דארט?
— איך, איהר האט דאס מיך געריפען, פיאדאר איוואנאוויטש!
— איך האב קיינעם ניט גערופען, ווער איז דארט?
— איך לעדערבארג, איך האב דאך אייך געשריבען אז איך וועל זיין זייער צעהן, נאר איך האב אביסעל פארשפעטיגט.

ווי ער האט דערהערט דעם נאמען „לעדערבארג" האט ער זיך דערמאנט, און געהייסען אריינגעהן.

ווי פיאדאר האט דערזעהן לעדערבארג'ען, האט ער זיך פלוצים שטארק דערפעיחט מיט איהם, פונקט ווי נאך לאנג ווארטען דערזעהט מען זיך מיט א בעערען פריינד, וואס איז נאך אין שטאנד צו טרייסטען און אלע צרות צו נעמען.

— קוים דערלעבט אייך צו זעהן, האט איהם פיאדאר אנגעדערגעזעצט געבען זיך אויפ'ן דיוואן.

— איך בין ערשט היינט געקומען פון וועג, ווען איך האב איבערגעלעזען דיין קארטאטשקע האב איך דיר באלד געשריבען אז צעהן א זייגער וועל איך זיין דא, איך האב פארשפעטיגט אויף א שעה, דו ווייסט דאך ווי א סוחר האט קיין צייט ניט ווען ער קומט פון וועג, די אלטע פארשימעלטע סחורות פארקויפט, נייע קומט אן, דערוויל האב אי דאפילו קיין צייט ניט געהאט עפעס נעמען היינט אבענד אין לויל ארוין, איך אינטערעסיר זיך אפילו זעהר וויסען וואס פלוצים דארפסטו זיך אזוי נויטיג האבען, נאר פאר קיין עסען געהט ניט קיין טאנץ.

(פארטזעצונג פאלגט)

האלס
צו פארענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט
204 הענקאק איסט
פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטערארישע אווענטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

וועלט איהר סייווען 30 פראצ.?
ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאווס, ראנגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז. קעש אדער קרעדיט.
638 גראשיאט עוו. — מעלראוז 4985

האפלאן'ס בארגין סטאר
483 הייסטינגס־ סטריט
לעני איהר קויפען אלעס פון די פאַ־נגערע לייטם:
קאמפליט ירעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פרעשיערענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קורטענס; טייבעל קאווערס; שטאפּס און קארפּס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בוי'ס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

יעדער בעסטער מוהל און שטאט
און מסדר קדושין:
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

אין א ווינקעל פון דעטראיט
א נייער ראמאן, ספעציעל געשריבען פאר'ן „וועג"
פון ב. איסאיעוויטש
אין דיזען ראמאן ווערט דערצעהלט אן אינטערעסאנטע פאסירונג פון א אידיש פאר פאלק, וואס איז פארבונדען מיט דעטראיט.
דער ראמאן איז שפאנענד פון דער ערשטער פארטזעצונג אן.

דער „וועג" באמיהעט זיך אפצושפיגלען אלע דעטראיט'ער ענינים. די דעטראיט'ער אפשפיגלונגען אויף דער ערשטער פיידזש זיינען
„פון דעטראיט'ער געריכטס הויז"
„אויף דעטראיט'ער גאסען"
די אפשפיגלונגען אין די מיטעלדיגע פיידזשעס, זיינען:
„דעטראיט אויף דער לינק ער זייט"
פעליטאנען פון ישראלי
„דעטראיט'ער שפיגעל" —
— אינטערעסאנטע פאסירונגען פון דעטראיט'ער אידישען לעבען, געשריבען פון
הרואה ואינו נראה
„לאמיר זיך דורכריידען —
שמועס'לעך מיט דעטראיט'ער אידען פון
ר' ברוך'ל
„דעטראיט'ער ציטונגען | ענינים דעטראיט'ער ענינים —
די וויכטיגסטע עדיטאריעלע נאטיצען פון דער היגער פרעסע, איבערזעצט פון
ד. ראוויטש
„פון דעטראיט'ער ציטונגען" —
ארטיקלען אין וועלכע עס ווערט איבערגעגעבען דער תמצית פון די עדיטאריעלס פון די היגע ציטונגען מיט קאמענטארען פון
ז. ריזקעזאן

JUDGE GAINEY
HAVANA


CIGARS
NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

דער סטריט קאר סעטלמענט

אויף וועלכען איהר האט ארויסגעקוקט

איין סיסטעם איבער אלע ליינס. איין פעיר מיט טרענספערס. נאך טרעקס, נאך קארס מען זאל ניט מוזען ווארטען. סוירוויס קאנטראלירט פון קאמאן קאנסיל.

ווייל עס איז דער קאמפאני ניט געלונגען צו פועל'ן ביי די שטאדטישע באאמטע צו ערלויבען מאכען אלע עקסטענשאנס, אפעלירט די קאמפאני דירעקט צו איהרע קאסטומערס, די דעטראיט'ער באפעלקערונג, פאר א שנעלער לעזונג פון דער טראנספארטיישאן פראבלעם. פעטיציעס ווערען יעצט פארשפרייט, אז איהר זאלט באפעהלען די אויטאריטיס צו מאכען א קלארען פארשלאג. און דאס זענען די ארדינאנסעס:

עקסטענשאן

ניט וויניגער פון 20 מיליאן זאל די קא. ספענדען אויף טרעקס און קארס אויף די ליינס ווי מיר האבען פאריגע וואך פארגעלעגט.

נאך קארס

די קאמפאניע שטימט איין מוסיף צו זיין 550 דאובל טראק מאטאר און טרעיל קארס און אויפ'ן ארט פון סינגעל קארס ארויסצושיקען דאובל טראוק קארס.

פעירס און טראנספערס

די איצטיגע פעירס און דאובל טרענספערס זאלען בלייבען אין קראפט.

נייע סיטי ליינס

די 5 סענט קארפעיר מיט טרענספערס וועט אנגעווענדעט ווערען אויף דער גאנצער שטאדט איינשליסענדיג יענעם טייל וואס איז ארויס פון איין פעיר דאן, ווען יענער טייל וועט אנאנסירט ווערען פון דער שטאט ווי קערדשו ראוד אן דזשעפערסאן, שארלוואוא, איסט ווארען, און הארפער ליינס ביז אכט מייל ראוד אויף גרעשאט, ווען דייק און וואודווארד, מייפל ראוד ביי מישיגאן, ביז ריווער רוזש ביי פארט און וועסט דזשעפערסאן ליינס.

סוירוויס

די שטאט רעזערווירט זיך דאס רעכט צו דירעקטען און קאנטראלירען די קאר ליינס. די קא. פארשפרעכט צו באשפרייצען און צו צעמענטירען דעם גרונט צווישען די טרעקס.

עקספענס

די שטאט האט א רעכט צוריק־צואווייזען די עקספענסעס וואס די קא. מאכט, אפילו ווען עס האנדעלט זיך וועגען דעם מענעדזשמענט.

מיוניסיפאל אונערשיפ

די קא. איז באגרענעצט ביז 6 פראצ. אינטערעסט פאר איהר פראפערטי און די שטאט האט א רעכט צו קויפען די ליינס פאר א באשטימטער סומע.

אונטערורבאן קארס

דער קאמאן קאונסיל האט צו שאפען איבער דעם ווי אזוי עס זאלען לויפען די אינטעראורבאן קארס.

די קא. גיט אפ צו דער שטאט איהרע נאך ניט געענדיגטע פרענטשייסעס און פריוואטע רעכטן אחוץ יענע וואס זענען נייטיג פאר דער פלינט דיוויזיע, און רעפיד רעילוויי אינטעראורבאנס.

סאבוועים און עליוועיטארס

די קא. שטימט איין צו לעגען טרעקס און לייגען סאבוועיס און עלעווייטערס ווי געבויעט ביי דער שטאט.

ארביטריישאן באארד

זאל שטענדיג זיצען און זיך באשעפטיגען מיט דער פראגע פון קארפעיר, וועליואיישאן און אנדערע פראגען וואס האבען צו טאן מיט פינאנסען.

פארד סיסטעם

די קא. שטימט איין איינצופירען די פארך אדער אנדער סיסטעם וואס קען פיהרען צו פארקלענערען די אויסגאבען פון דער קא. און געבען בעסערע סוירוויס.

אפגעזונדערטקייט

די קא. שטימט איין צו דעקען איהרע איינענע קאסטען אויף אלע איהרע באזונדערע אונטערנעמונגען.

היילאנד פארק

די קארפעיר פון דעטראיט זאל אויך זיין גילטיג אויף די ליינס, וואס געהען אין היילאנד פארק און אין דעם דארף האמטראמאק און ווען די דערמאנטע ערטער וועלען אמאל אנעקסירט ווערען צו דעטראיט, וועט די קא. צוריק געבען איהרע פרענטשייסעס וואס זי האט דארטען באקומען.

באזונדערע שטאט סיסטעם

כדי ניט צו פאראורזאכען קיין פלאנטער פארשפרעכט די שטאדט אפצוטיילען די שטאדטישע ליינס פון דער אלטער יוניאן ליין דורך דער ארגאניזירונג פון א נייער קא. וואס וועט זיך בלויז אפגעבען מיט דער שטאטישער ליין. די אלע חשבונות זאלען בלייבען אפען פאר אונטערזוכונג פון קאמאן קאונסיל און א מאנאטליכער סטייטמענט, זאל ווערען געפיילט ביי דעם קאונסיל.

עלעקשאן

דיזע פארשלעגע וועלען זיך ניט געפינען אויף דעם באלאט אין דעם עלעקשאן פון דעם 5־טען אפריל נאר וועלען געשטימט ווערען אין עלעקשאן וואס דער קאונסיל וועט רופען.

דיזער ארדווערטייזמענט ווערט באצאלט פון דער.

Detroit United Railway

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

מיטוואך, 17טען מערץ 1920

סאלדאטשינא

די לעזער פון „וועג״ האבען מסתמא באמערקט לעצטען פרייטאג א שטיקעל נייעס, א דעפעשע פון וואשינגטאן אונטער'ן קעפעל — „קאנגרעס שטימט פאר אן ארמעע פון 300,000״.

אין דעם נייעס ווערט דערצעהלט, אז אלע פארזוכען צו פארקלענערען די צאהל פון דער פארגעשלאגענער ארמעע פאר די פאראייניגטע שטאטען אין פריעדענס-צייטען זענען געווען ניט ערפאלגרייך. דער קאנגרעס האט נעבעטען באשלאסען מיט א מעהרהייט פון דריי פערטעל, דאס אמעריקא זאל האבען א שטעהענדיגע ארמעע פון 299,000 ענליסטעטע סאלדאטען און 17,820 אפיצערען.

דער נייעס שרייבער פון „וועג״ האט צו דער דעפעשע צוגעגעבען פאלגענדע דערקלערונג, וועלכע צייגט אויף ווי ווייט, אדער אויף וויפיעל מיר האבען זיך צוריקגעריקט אין אונזער קאמף קעגען מיליטאריזם.

דיעזער באשלוס באדייט, דאס די רעגולערע ארמעע פון די פאראייניגטע שטאטען וועט זיין שטארקער מיט גאנצע הונדערט טויזענד מאן, ווי דאס איז פארגעשריבען געווארען אינ'ם נאציאנאלען פארטיידיגונגס אקט פון יאהר 1916.

די, וועלכע זענען ארויסגעטראטען פאר א קלענערע ארמעע, האבען זיך געשטיצט העכסטענס אויף דער ניט-ראטזאמקייט פון מאכען צו גרויסע אויסגאבען פאר מיליטערישע צוועקען.

דער קאנגרעס האט נאך'ן שטימען וועגען דער צאהל פון דער ארמיי זיך אריינגעלאזט אין לאנגע דעבאטען וועגען פארשידענע דעטאלען פונ'ם ארמיי-ביל. ווי עס זעהט אויס וועלען די דעבאטען פארנעהמען איינינע טעג און דער ביל וועט ניט דורכגעהן פריהער ווי אנפאנג פון קומענדע וואך.

מיט א פאר טעג פריהער, ווידער, איז געווען געמעלדעט פון וואשינגטאן אז דער אמעריקאנער פלאטען מיניסטער (מר. דעניעלס) האט פאר דער קאנגרעס קאמיטע אויסגעלעגט זיין פראגראמע און געפאדערט די מעכטיגסטע פלאטע אין דער וועלט. אי דאס זאל מען זי מאכען תיכף ומיד אנהויבען צו בויען, נישט אפלעגען חס ושלום.

און מר. דעניעלס האט דערצעהלט: —

צוויי קריעגס-שיפען זיינען שוין פארטיג. נאך צעהן קריעגס שיפע ווערען געבויעט, וואס וועלען ניט האבען און געהאט קיין גלייכען ביז-אצט אין קיין שום לאנד; זעקס קרייצערס מוזען אויפגעבויעט ווערען וואס זאלען צו זיך קיין גלייכען נישט האבען אין גאנץ איראפא.

אין קורצען איז די פראגראמע פון פלאטען מיניסטעריום אזא:

עס מוזען באלד אויפגעבויעט ווערען צוויי קריעגס שיפען; איין קרייצער, זעקס סקאוט קרייצערס, צוואנציג לייכטערע קרייצערס; אכט מינען שיפען, זעקס סאבמארינען, פיער לופט שיפען, איין פארניכטונג קרייצער און איין ריעזען סאבמארין.

מיר ווילען נישט מאכען קיינע פירושים דערצו.

עס איז אויפגעשטאנען תחית המתים די מאמא פון באוואפענטען פריעדען. און אַט דיעזער מאנסטער פאדערט איצט מורא'דיגע קרבנות א סך גרעסערע ווי פאר דער מלחמה — די מלחמה קעגען דעם מיליטאריזם פון דייטשלאנד.

ניין, מען דארף קיין פירושים נישט.

וועלען מיר דערפאר ווייטער איבערגעבען טריקענע פאקטען פון נאך אין לאנד, וואס האט זעהר ביטער געקעמפט קעגען דייטשען מיליטאריזם — ענגלאנד.

דער ענגלישער קריעגס מיניסטער, ווינסטאן ספענסער טשוירטשיל האט פאר'ן בריטישען פארלאמענט דערקלעהרט אז לכל הפחות מיט 625 מיליאן דאלאר וועט ער אפשר קענען פינאנסירען די ארמעע פאר איין יאהר צייט. חוץ דעם האט ער געפאדערט 125 מיליאן דאלאר א יאהר פאר דער לופט ארמעע.

אין אנהויב פון דער מלחמה (1914—1915) האט ענגלאנדס ארמעע בודזשעט אנגענומען נישט מעהר ווי 140 מיליאן דאלאר. איצט, ווען ס'איז שוין באלד צוויי יאהר שלום, פאדערט דער קריעגס מיניסטער פינף מאל אזוי פיעל.

פאוואָרענט זיך אפשר ענגלאנד פאר דער נאציאנען ליעג? וואס פאר א מאטיוו ליעגט אונטער דער סאלדאטשינא?

מילא אונז, אמעריקא, הייסט עס, שרעקט מר. דעניעלס מיט דער נאציאנען ליעג. ער דערקלערט אפען, אז כפי אונזער סענאט וויל נישט אריינקומען אין דער ליעג אף נייטאנס, בכן מוזען מיר זיך באוואפענען.

פאר וועמען אבער באוואפענט זיך ענגלאנד?

ווי עס זעהט אויס האט זיך יעדער מדינה איהר בינטעל צרות. אמעריקא האט צרות פונם סענאט, וועלכער האט געווארפען אן אומ'חן אויף דער נאציאנען ליעג און ענגלאנד האט אירלאנד, עגיפטען, אינדיען, גאנץ קליין אזיע, וואס האט קיין פרעקעל חשק נישט צו פרעהען זיך מיט דעם ענגלישען זיעג איבער איהרע שונאים.

אין יאהר 1914 איז די בריטישע ארמעע באשטאנען פון 185 טויזענד סאלדאטען.

איצטער באשטעהט די ענגלישע ארמעע פון פאלגענדער ריעזיגער צאהל: די רעגולערע ארמעע פארמאגט 348 טויזענד מאן; אין אינדיען זיינען פאראן 75 טויזענד מאן, 167 טויזענד מאן זענען פאראן אין רהיינלאנד, נישט רעכענענדיג די טרופען אין אירלאנד, עגיפטען, אין קורדיסטאן אין רוסלאנד און אין אנדערע וועלט טיילען, וואו די ענגלישע מלוכה האט איהר לאפע אוועקגעלעגט.

אט דאס איז די פרייז וואס מיר צאהלען פאר דעם — שלום.

אזוי איז די פרייז אין ענגלאנד און אין אמעריקא, נישט בעסער איז עס אין פראנקרייך, איטאליע, יאפאן, גריכענלאנד, רומעניען. אפילו אין דעם פאר'דולפונ'טען פוילען און אפילו אין די אנדערע קלענערע און נאך קלענערע מלוכות און מלוכה'לעך. יעדעס לאנד און לאנד'על איז „פויז״ מיט איבערשלמעהן אויטלוכם שטיקעל אגראריזם און שווערדען און שפיזען, באיאנעטען, הארמאטען, שיפען, לופט-באלאנען וכדומה. יעדע פאר'קבצנ'טע און פאראָרימטע מדינה'לע האט נישט אין זיגען קיין ברויט, האט נישט אין זיגען קיין פעלדער און וועלדער, נאר הארמאטען און ביקס און אלץ צוליעב דעם שלום, צוליעב דער ליגע פון נאציאנען.

און אין די געגענדען פון פוילען, ווגא, סלאוויע, הויהאמאשינא און אנדערע עהנליכע מקומות, וואו מען פארזעצט דאס בריט און מען קויפט ביקסען, נוצט מען דערוויל אויס דאס ביסעל כלי זין אויף די רוקענס פון די אומשולדיגע.

ווארים דערוויל טויגען זיך יענע מלוכות'לעך נישט אויס צו נוצען געוועהר פאר שטארקע, אדער פאר באוואפענטע ארמעען.

פאר אזעלכע באנדעס ווען מען באוואפענט זיי, איז דאס געוועהר זיכער געפעהרליך. מען טאר עס זיי לחלוטין נישט אנפערטרויען.

אבער — מיר לעבען אין א צייט פון פריעדען; מיר לעבען אין א צייט פון אויסגעקעמפטער דעמאקראטיע; מיר לעבען אין א צייט ווען א נאציאן און פאלק פארקויפט זיין ערד, זיין תבואה, זיינע פראדוקטען און ...

וואס האט אויפגעטאן די קאנווענשאן פון די אוקראינער אידען

(ספעציעל פאר'ן „וועג״) פון דר. יעקב גרינפעלד

ווי די לעזער פון דיעזער צייטונג ווייסען שוין, האט דער פארבאנד פון אוקראינער אידען אין אמעריקא אפגעהאלטען זיין קאנווענשאן אין פילאדעלפיא. עס וועט זיכער אינטערעסאנט זיין צו האבען א סקיצירטען איבערבליק איבער דעם, וואס די קאנווענשאן האט אויפגעטאן און וואס פאר פלענער זי האט ערוואַרטען פאר דער צוקונפטיגער טעטיגקייט פונ'ם פארבאנד.

דאס עלטסטע וואס די קאנווענשאן האט אויפגעטאן איז דאס וואס זי האט פאראייניגט אלע שיכטען פונ'ם אוקראינישען אידענטום פון אמעריקא אין דער הילפס-טעטיגקייט פאר די אומגליקליכע פון יענער זייט ים.

עס איז קיין סוד ניט אז ביז צו דער קאנווענשאן זענען א סך געשטאנען פון ווייטענס: געקעמט אדער אימגעקעמט, אבער א סך האבען געגלייבט, אז דער פארבאנד איז ניט געווען געבויט אויף דעמאקראטישע יסודות. עס איז ניט דא דאס ארט צו אינטערזוכען, צי עס איז באמת אזוי געווען. דער פאקט איז אבער, אז שוין דאס, וואס עס האט זיך פארשפרייט אזא קלאנג האט געשעדיגט די ארבייט אויף יעדען שריט און טריט און צוריקגעהאלטען א סך אפצושליסען זיך אינ'ם פארבאנד.

אט די קלאנגען מוזען איצט פארשטומען: די קאנווענשאן האט ווייט און ברייט געעפענט די טירען פאר יעדען, ווער עס האט נאר עפעס אן אינטערעס אין די פראבלעמען פונ'ם אוקראינער אידענטום.

עס זאל דא באטאנט ווערען, אז אין דער באציהונג איז די קאנווענשאן פונ'ם פארבאנד פון אוקראינער אידען פון אמעריקא געווען אן אויסנאהם פון אלע אנדערע קאנווענשאנס.

צו א קאנווענשאן פון וואסער עס איז ארגאניזאציע ווערען געוועהנליך נאר צוגעלאזען פארטרעטער פון די פאראיינען, וואס זענען פארבונדען מיט דער צענטראלער ארגאניזאציע. קיין אנדערע ווערען אויף קיין פאל ניט צוגעלאזען און מען געפינט אפילו אין דעם ניט קיין חסרון: עס איז א זעלבסט-פארשטענדליכע זאך. צו דער קאנווענשאן פונ'ם פארבאנד זענען צוגעלאזען געוואָרען פארטרעטער פון אלע אוקראינישע פאראיינען אהן א שום אונטערשייד צי די פאראיינען האבען געהערט צום פארבאנד אדער ניט. עס זענען אפילו צוגעלאזען געווארען פארטרעטער פון אזעלכע פאראיינען וואס האבען באקעמפט דעם פארבאנד.

אויב עס זענען אמאל געמאכט געוואָרען פארזוכען צו פאראייניגען ארום א צענטראלער ארגאניזאציע אלע שיכטען, איז דאס געשעהן ביי דער קאנווענשאן פונ'ם אוקראינער פארבאנד.

עס איז אויך דערפאר אויף די ערשטע זיצונגען פון דער קאנווענשאן געווען אזוי שווער זיך צוזאמענצורעדען: עס זענען זיך צוזאמענגעקומען פארטרעטער פון פארשידענע גרעסערע און קלענערע ארגאניזאציעס, זיי האבען געגלייבט אז זיי האבען צו טון מיט געגנער און עס האט דערפאר גענומען צייט ביז מען האט זיך געגנזייטיג פארשטאנען. מען האט זיך אבער סוף כל סוף פארשטאנען און אזוי ארום איז געלעגט געווארען דער יסוד פאר א פאראייניגטען פארבאנד.

דער יסוד איז ביי דער קאנווענשאן געלעגט געווארען אין א קליינעם מאסשטאב און עס איז יעצט די אויפגאבע פון די לאנדסמאנשאפטען אויף דעם יסוד צו בויען, איהם פארגרעסערען און פארשטארקען און אזוי ארום מאכען דעם פארבאנד פאר דער איינציגער קערפערשאפט ארום וועלכער עס זאלען זיך קאנצענטרירען אלע אוקראינער אידען.

א צווייטען וויכטיגען פארשריט האט די קאנווענשאן געמאכט דערמיט וואס זי האט אנגענומען א באשלוס וועגען א רעליעף-דרייוו. שוין אפגערעדט פון דעם וואס א דרייוו וועט אריינברענגען א סך געלד פאר די מלחמה און פאגראם-קרבנות, וועט ער אויך האבען א גרויסע ווירקונג אויף דער פארשטארקונג פון זיין ארגאניזאציע. דער פארבאנד וועט זיך דורכ'ן דרייוו פארשאפען מעהר אנזעהן ביי די לאנדסמאנשאפטען און אויך ביי די באשטעהענדע רעליעף-קאמיטעס.

עס איז א פאקט, אז געוויסע לאנדסמאנשאפטען האבען ניט געקענט באגרייפען די גרויסע אויפגאבען פונ'ם פארבאנד אויב ער מאכט ניט קיין דרייוו. אט די לאנדסמאנשאפטען האבען ווי אראפגעקוקט אויפ'ן פארבאנד, זיי האבען זיך געפיהלט העכער דערפאר ווייל זיי האבען שוין געשאפען געלד פאר רעליעף און דער פארבאנד ניט.

עס איז ניט דא דאס פלאץ זיך אפצושטעלען אויף דעם, צי זענען אט די לאנדסמאנשאפטען געווען גערעכט, אבער עס איז זיכער אז דורכ'ן דרייוו וועט דער פארבאנד ביי זיי פארנעמען א פיל גרעסערען פלאץ ווי ביז איצט. דאס זעלבע וועט אויך זיין מיט די רעליעף-קאמיטעס. אזוי לאנג ווי דער פארבאנד רעדט פון פלענער פאר געלד זאמלונג און געלד פארטיילונג — מעגען זיינע פלענער זיין אויסגעצייכענט — וועט מען זיך צו איהם ניט צוהערען. אזוי שנעל אבער ווי ער וועט ווייזען געזאמעלטע סומען וועט איהם א היבש ביסעל גרינגער אנקומען דורכצופיהרען זיינע פלענער און ער וועט געפינען די שטיצע פון די באשטעהענדע קאמיטעס.

א פיעל וויכטיגערער שריט איז דער באשלוס וועגען דרייוו פאר קליידער און שיך. דאס קען געזאמעלט ווערען גרינגער ווי געלד און עס איז מעהר נויטיג ווי געלד. די זאכען פון וועלכע מען זאגט זיך שוין דא אפ צו טראגען, קאסטען אין אוקראינע הונדערטער און טויזענטער און זעהר אפט באקומט מען זיי אפילו ניט פאר געלד.

עס איז קיין ספק ניט, אז אט דער דרייוו וועט זיין אן אויסערגעוועהנליכער ערפאלג. אינ'ם דרייוו פאר געלד מוז מען אפעלירען, אינ'ם דרייוו פאר קליידער איז דאס נאר א פראגע פון זאמלען. אין קיין אידיש הויז וועט מען זיך ניט אפזאגען צו געבען עפעס פון קליידער און שיך פאר אונזערע אומגליקליכע פון יענער זייט ים.

דער דרייוו וועט אויך פארשטארקען דעם פרעסטיזש פונ'ם פארבאנד, און מעהר פארבינדען די אוקראינער אידען מיט זייער אינסטיטוציע — דעם אוקראינער פארבאנד.

פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט איז דער באשלוס וועגען דעם אז די לאנדסמאנשאפט קאסעס זאלען קאנטראלירט ווערען פונ'ם פארבאנד.

דורך דעם קאנטראל קענען מיר וויסען אונזערע כחות אויף וויפיעל מיר קענען ערוואַרטען הילף פאר אונזערע אומגליקליכע: דורך דער קאנטראל זענען מיר אין דער לאגע צו זארגען דערפאר אז די געלדער זאלען באנוצט ווערען ווי געהעריג: דורך דער קאנטראל גיסען זיך די לאנדסמאנשאפטען צוזאמען אין איין מאסע און עס ווערען פארמידען דאפעלטע הוצאות און פארשפארט א סך ענערגיע.

אונדירעקט האט די קאנווענש[…] אויפגעטאן זעהר פיעל דערמיט וואס […] האט באוויזען דער פרעסע אז די אלע ב[…] שולדיגונגען וואס מען האט פריהער ג[…] ווארפען אויפ'ן פארבאנד און זיין טעטי[…] קייט, זענען אבסאלוט אונבאגרינדעט. […] קאנווענשאן איז געווען דער פלאץ וו[…] די פרעסע פון דער פארבאנד האבען […] געטראפען פנים אל פנים, און דער א[…] האט געוויזען — דער פארבאנד האט […] וואונען די סימפאטיע פון דער פרעסע.

לאמיר האפען אז די אינערליכע א[…] ניגקייט, די פארגענומענע גוטע פלענ[…] און די שטיצע פון דער פרעסע וועלען […] כל סוף אויפוועקען די אוקראינער א[…] דען צו א געזונטער און פרוכטבארער ט[…] טיגקייט פאר די אומגליקליכע פון יענ[…] זייט ים.

די קאנווענשאן האט איהר זאך ג[…] טון, דער אמת'ער ערפאלג העננט יעצ[…] אפ פונ'ם ברייטען עולם און עס איז פ[…] איהם געקומען די צייט צו רעדען.

דעטראיט אויף דער לינקער זייט

(פעליעטאן) פון ישראלי

שפאציער איך מיר אזוי אויף הייסטינגס סטריט, און דערזעה אזא סצענע:

ביים פענסטער פון א טשיקען-סטאר שטעהען דריי שטייגען, אנגעפיקעוועטע מיט עופות יפות פון ביידע געשלעכטער און פונקט געגענאיבער דער דריטער שטייג, הענגט אן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות „דא איז דער שוחט״...

שטעל איך זיך אפ און טראכט:

ווען עופות וואלטען געקענט נאכקומען אלע כללים פון'ם „ליטעראסי טעסט״, אדער, לכל הפחות, ווען זיי וואלטען געקענט איבערלייענען א אידישען אויפשריפט — וואלטען די הינער מיט די הענער פון דעם העכסטען שטייג מקנא געווען די „ראונסטעסיגע״, וואס זיי ווייסען ניט וואו דער שוחט געפינט זיך...

אין גליק נאר, וואס טשיקענס קענען נאך ניט לעזען; די אויבערשטע ווי די אונטערשטע איז גלייך גוט.

געה איך ווייטער. פלוצלונג — און איינגעלאפ. א האַרמידער. א טומעל. וואסי? די מעשה? — די אלטע, אלטע עט-אימער מעשה-„האלדאפ״.

ווער? וועמען?

וואס איז דער אונטערשיעד?

א באנדיט איז ניט קיין שוחט, און ער וועט זיך ניט אדווערטייזען מיט גרויסע אותיות אז דא און דארט וואוינט ער און ווער עס וויל בארויבט ווערען אויף אן אנשטענדיגען אופן זאל קומען זיך איבערצייגען... דעטראיטער באנדיטען האבען ניט קיין באשטימטען אדרעס; זייער כבוד פילט אן די גאנצע שטאט. באנדיטען דא, באנדיטען דארט, באנדיטען אומעטום. אין די בירגער, וואס קענען אי לעזען, אי שרייבען, ווייסען אזוי פיעל, וואו דער „האלד אפניק״ געפינט זיך, ווי יענע טשיקענס פון הייסטינגס סטריט, וואס האבען נעבען זיך דעם גרויסען אויפשריפט: „דא איז דער שוחט״...

ס'איז אונמעגליך צו וויסען!

אט למשל ווייסט מען, אז רעגירונגס-אגענטען זיינען אין דעטראיט לעצטענס גאנץ טעטיג, און אז זייער כבוד שטראלט ניט נאר אויף יעדער סאציאליסטישער פארזאמלונג, נאר איך בין זיכער, אז זיי קוקען אפילו דורך די שפאַרונעס פון'ם „חסד של אמת״ און פון דער חברה תהילים...

און פונדעסטוועגען ווייס קיינער ניט, וואו זיי זיינען און וואו זיי זיינען ניט.

ווען פאלמער'ס אגענט זאל טראַגען ארום זיין ארם א גרויסען אויפשריפט: „איך בין דער ראדיקאלען-זוכער״, וואלטען אידישע יונגע לייטלאך אביסעל ווייניגער געשמועסט פאליטיק אין די רעסטאראנס פון הייסטינגס סטריט. נישקשה, זיצענדיג ביי א פארציע „ראוסט טשיקען״, קען מען זיך גאנץ לייכט דולדען די קאפיטאליסטישע ארדנונג כאטש א האלבטייל קיהלען-קענדי, וואס מישיגאן פלעגט קריגען צו נאשען ביז היינט.

און איך פרעג זיך אליין: טאטעלאך, מאמעלאך, וואס טוט זיך דא? ! וועמען זאל איך גלויבען: דער הינער „באַרד אוו קאמערס״ וועלכע פארגעסט ניט אונטערצושטרייכען אין איהר יעדען „ויצעקו״, אז רעגירונגס-קאנטראל איז אן אומגליק פאר דער מענשהייט, א סימן — „אט זעהט איהר דאך״, אדער דער פעדעראלער אדמיניסטראציע, וואס טענה'ט, אז זי מיינט בלויז דערמיט איינצושטעלען א גלייכע פראפארציע אין דער פארגאנדערטיילונג פון קויהלען?

וועמען זאל איך דא גלויבען?

מיר הערען אז אין גיכען וועט שוין דעטראיט אויך בלייבען אהן גאז און מיר'ן דארפען ברענגען קינעלאך, מחמת וואסי? „מינעסאטא״! קויהלען״, „באַרד אוו „קאַמערס״, „רעגירונגס-קאנטראל״ און דער עקר — העכערע גאזבילס פאר'ן קבצן צו'ם משלם זיין און פרעהליכערע קלינגערס אין די קעשענעס פון דער קאמפאניע...

דאס איז אלץ וואס מיר ווייסען, טראַץ דעם וואס מיר קענען לייענען „פיי-א צווייטען מאל...

פערם״. מיר ווייסען, אז אימיצער ז[…] דא צו שוחט'ן אינ'ם איצטיגען קוי[…] לען-טאראַם. ס'איז נאר שווער אויס[…] צוגעפינען וואו דער שוחט איז: „דא[…] אדער „דארט״...

און קען מיר אפשר אימיצער […] גען, וואו דער אמת'ער שוחט וואוי[…] אין'ם סכסוך צווישען דעם מעיאר און ד[…] קאר-קאמפאניע? אז דער עולם איז ד[…] כפרה-הינדעל, וועגען דעם קען קיין צ[…] מיינונגען ניט זיין; אז ביידע, אי דער […] יאר, אי די קאר קאמפאניע, זוכען נאר […] טובה פון דער שטאט — וועגען דעם […] אויך קיין ספק ניט.. די פראגע פ[…] אונז איז נאר: ווער וועט ארויס ד[…] זיגענער? און — דער זיגענער וועט ש[…] במילא זיין דער שו"ב בק"ק דעטראיט.

צו וואס א סך טראכטען?

די טשיקענס אין יענעם הייסטי[…] סטריט שטייג טראכטען עפעס א סך? […] מיר אראפנעהמען א מוסר פון זיי […] אונז וועט זיין גוט און וואויל.

דעטראיט איז א שטאט ניט צו טראכטען, נאר...

וועגען דעם וועלען מיר שוין רעד[…]

לידער

פון אבתר בעקערמאן

מיין פעדער

מיין פעדער פארטרוי איך אלעס,
וואס דריקט מיין קראנקען געמיטה.
און ווערט מיר שווער אויפ'ן הארצען —
דאן זינג איך איהר א טרויעריג ליעד.

איך זינג איהר א ליעד פול וועהטאג
און דער שטיל הערט זי עס דא צו...
די פען איז מיין טרייסט, מיין רפואה
נאר ביי איהר — געפין איך מיין רוה!...

ניט קלאג מיין הארץ

ניט קלאג מעהר מיין הארץ!
ניט וויין אזוי פיעל —
זיי רוהיג, זיי שטיל,
זיי רוהיג, זיי שטיל!

ניט קלאפ אזוי שטארק —
ניט בענק אזוי פיעל!...
זיי רוהיג, זיי שטיל,
זיי רוהיג, זיי שטיל!

זיי מוטהיג און שטארק!
און געה דיר דיין גאנג...
זיי פול מיט געזאנג,
זיי פול מיט געזאנג!

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

איבער הונדערט אידען נויטיגען זיך אין הילף אין וויען

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט געבעטען נעקראגען פאלגענדען זייבעל מיט ציפערען וועגען דער אידישער לאגע אין וויען:

וויען, מערץ 12. — די צאהל אנטלאפענע, ווי פון די מלחמה-געגענדען, אזוי אויך פון פאגראמען, וואס געפינען זיך איצט אין וויען, דערגרייכט שוין ביז 20 טויזענד. זיי אלע נויטיגען זיך אין שפייז, קליידער, שיך און באהייצונג. צווישען זיי זענען דא צעהן טויזענד, וואס דארפען אויך שטיצע אויף דירה-געלד. און דריי טויזענד אינוואלידען, אלמנות, ווייבער פון קריעגס-געפאנגענע מיט קליינע קינדער און אלטע לייט, וועלכע מוזען אויסגעהאלטען ווערען אויף אלעם פארטיגען. 15 הונדערט סטודענטען פון אוניווערזיטעטען, סעמינארען און ישיבות נויטיגען זיך אין א קיך, וואו זיי זאלען קריגען ווארימע שפייז, און קליידער, ביכער, אינסטרומענטען און געלד צו באַצאהלען פאר עקזאמענס. פינף הונדערט פראפעסיאנעלע, אזוי ווי רבנים, אדוואקאטען, דאקטוירים, אינזשענירען נויטיגען זיך אין פארשידענע הילף, צווישען זיי דריי הונדערט, וואס דארפען אויך האבען געלד-שטיצע.

דאס זענען אלץ ציפערען וואס זענען נוגע די צוואנציג טויזענד אנטלאפענע. צווישען די שטענדיגע איינוואוינער פון וויען זענען דא 50 טויזענד געוועזענע מיטעל-קלאס מענשען, וועלכע זענען פארארימט געווארען בשעת דער מלחמה און זיי נויטיגען זיך אין ביליגע שפייז, קליידער און באהייצונג, צווישען זיי אויך 15 הונדערט, וואס מוזען אונטערגעהאלטען ווערען מיט אלעם. דאן קומען 25 טויזענד אידישע אנגעשטעלטע און ארבייטער, וואס א טייל פון זיי זענען אויך אנגעלאפענע, וועלכע קענען נישט ביי קומען די הויכע פרייזען אויף לעבענסמיטעל און מען מוז זיי באזארגען מיט שפייז און אנדערע נויטיגע זאכען צו מעסיגע פרייזען. פינף טויזענד פון זיי ווערען געשפייזט אין די קיכען, וועלכע האבען א שטענדיגען דעפיציט און נויטיגען זיך אין שטיצע.

א שרעקליכע בילד שטעלט פאר די לאגע פון די זעקס טויזענד קינדער, וואס זענען אויסגעצעהרט פון הונגער און מוזען האבען הילף צוריק צו קומען צו זייערע כחות. און 25 הונדערט עלטערע קינדער, מעהרסטענס יתומים פון פאגראם-קרבנות און מלחמה-קרבנות, וועלכע האבען נישט וואו עס זאל אויף זיי אכטונג געבען און נויטיגען זיך אין שיך, קליידער און אנדערע זאכען, און צו זיי 900 קינדער, וועלכע נויטיגען זיך אין אלץ. ארום א טויזענד יתומים פון מלחמה און פאגראם-קרבנות אונטער 14 יאהר ווערען אויסגעהאלטען אין הייזער וועלכע קענען ניט עקזיסטירען אויב דער שטיצע, וואס זיי קריעגען. דאס זעלבע אויך בנוגע צו 27 הונדערט אלטע לייט און אומגעהאלפענע, וועלכע ווערען אויפגעהאלטען אין זקנים הייזער און ארום 3000 קראנקע יעדען חודש, וועלכע דארפען האבען מעדיצין און אידעלע שפייזע, וואס קאסטען דא שרעקליך טייער.

די אנגעגעבענע ציפערען וועלען אויף ווייזען, ווי שרעקליך גרויס עס איז ביי אונז די נויט, נישט קוקענדיג אויף דער באדייטענדער שטיצע, וועלכע מיר קריעגען פון אמעריקא.

מאמענטען
(פון די רוסיש'ע געשעהענישען)
פון ז. סעגאלאוויטש

1.
די קאמפפער ביי דער צערקווע

אויף די גאסען, האט מען געזאגט, געפינט זיך א פערטעל מיליאן מענשען. דער גרויסארטיגער פלאץ ארום „ווינטער פאלאץ" איז געווען באשאטען מיט שווארצע פינטעלאך. די מיליאנען גאס, גאנץ נעווסקי פראספעקט, אויף אלע דער בייאיגע גאסען — אומעטום, האט זיך די מאסע באוועגט און פאמעלאך גע־שוואומען ווי א ים.

אומעטום האבען זיך געהוידעט די רויטע פאהנען און פלאקאטען מיט גאל־דענע ווערטער, מיט שווארצע אויפשריפ־טען. אנדערע פאהנען זיינען שוין בלייך געווען, ווייל ניט די ערשטע מאניפעס־טאציע האבען זיי שוין דורכגעמאכט. אנדערע האבען העל געלויכטען מיט זיי־ער בלוט פארב. זיי האבען זיך אראפגע־נידערט און ווידער זיך אויפגעהויבען פונקט ווי רויטע זעגלען אין לאנגזאמען ווינט.

אויף יעדען שריט און טריט האט מען גערעדט: פון א טריבונע פון א באלקאן פון יעקאטערינעס דענקמאל.

די ווערטער: „חברים" זיינען געפא־לען ווי א האגעל, עס האבען גערעדט מע־נער און פרויען אינטעליגענטען און אר־בייטער: „חברים", דאס ווארט האט זיך געשפילט אויף דער זון און געלאפען צו טויזענטער אויערן.

דער עולם האט זיך דאהיג באוועגט. מ'איז דאס געגאנגען צו „מארסאווא פאלע" אפגעבען כבוד די געפאלענע, און די רעדנער זיינען געגאנגען מיט'ן עולם, פונקט ווי די ארטילעריע מיט א מחנה סאלדאטען און בסדר באמבארדירט דעם המון מיט היציגע און מונטערע רע־דעס.

מ"איז געגאנגען פאראויס, אלע מיט איין פארלאנג און ציעל.

און פלוצלונג...

ביי איסאקאווסקי סאבאר, אט ביי דעם וואונדערבארען רוסישען בנין, האט דער עולם גענומען פאלען און קניהען. אי צלם'ן האבען זיך אלע גענומען.

וואס איז געשעהן? ווי קומט עס צום פרייען פאלק? די רעדנער האט מען אויפגעהערט צו הערען. פאליע נאך פא־ליע האבען מענשען זיך אויסגעצויגען אויפ'ן ברוק, אויפ'ן טראטואר... וואס איז געשעהן?

פון סאבאר זענען ארויס עטליכע גלחים מיט גרויסע גאלדענע צלמים, און איי־נער פון זיי האט גענומען רעדען צום המון, „אין נאמען פון גאט" זיינען עט־ליכע רייהען געפאלען אויף דער ערד און די איבעריגע נאך זיי.

עס איז ניט געווען קיין קראפט זיי אפצוהאלטען. די רעדנער זיינען געבלי־בען שטעהן מיט פארגליווערטע ווערטער אויף די ליפען און געקוקט אויף די ליי־נענדע מתפללים.

וואו פרייהייט? וואו קאמפף? וואו צו־קונפט?

די רויטע פאהנען האבען זיך צונויפ־געוויקעלט און די זון האט געשאסען איהר גלייכגילטיגען גאלד ווי פריהער.

דער עגל הזהב

א שווערער אויטאמאביל האט זיך אריינגעריסען אין דער געדיכטער מאסע און אידער דער עולם האט זיך באַ־רוהיגט איז שוין געשטאנען א יונגער־מאן איבער אלעמען אויף דעם הויכען וואגען און גערעדט מיט פייער:

— וואס שפאציערט איהר מיט די פאהנען? די בורזשויעס זיצען אין די פא־לאצען און איהר שפייזט זיך אליין מיט שעהנע רעדעס, מיט צוזאגענישען.

„אראפ מיט די אנארכיסטען" גיט ווער א געשריי פון עולם.

די מענשען ווערען אויפגערעגט, מ"איז שוין גרייט זיך צו ווארפען אויף דעם יונגנעמאן.

נאר דער יונגערמאן און עטליכע זיי־נע העלפער נעהמען טיילען דעם עולם פארשיעדענע חפצים מיט וועלכע דער אויטאמאביל איז אנגעלאדען.

עס ווערט א שטופעניש. אלע ווילען עפעס באקומען. דאס האבען די אנאר־כיסטען צוראבירט ערגעץ א פאלאץ און מיט אזא סארט אגיטאציע ווילען זיי נעהמען דעם המון.

עס געלינגט זיי:

אלע הענט שטרעקען זיך צו זיי. איינער כאפט א קאסטיום, דער צווייטער וועש, דער דריטער א בילד, א סטאטוע פון בראנז. דערנאך געהען קלע־נערע זאכען: סערוויזען, לעפעל, גאפעל, און פארצעליי. די גאס זעהט איצט אויס ווי א גרויסער מארק, די זאכען געהען באלד אוועק אין האנדעל און ביים.

די פיהרער פון די אנארכיסטען טראַ־גען זיך אפ, זיי קענען דא גארניט מא־כען, ווען די ערגסטע אינסטינקטען הא־בען זיך צושפיעלט.

„היי גענעראל"

ביי אלעקסאנדער דעם דריטענס דיינק־מאל געהט א מיטינג.

עס איז וואַרים און ליכטיג ארום. דעם עולם האט שוין דערעסען אויסצו־הערען אלע רעדנערס, יעצט זיצט מען דא אויף דער ערד, אויף די שטיינער און מען שיילט סעמעטשקעס. איינער איז ארויפ־געקראכען אויפ'ן דיינקמאל און האט זיך אנידערגעזעצט ביי דעם ברייט באדיגען אלעקסאנדער אויפ'ן קאפ. דערביי מאכט ער פארשיעדענע מינעס און קרימט זיך און רעדט גראבע רייד. דער עולם לאכט, נאר עס ווערט אייך דערעסען. וואס ווייטער? מיט וואס ווילט מען זיך ווייטער? שיקט גאט צו א גענעראל.

ער געהט פארביי א רוהיגער, און אפגעזונדערטער. דער שינעל עפענט זיך און דער רויטער אונטערשלאק רייצט אלעמענס אויגען. ווער איז דאס היינט גלייכגילטיג צום רויטען קאליר...

— היי גענעראל — דערלאנגט א גע־שריי איינער פון די גאסען לוידיג געהער.

— גיב דיין שינעל, מיר וועלען מא־כען א פאהן פון דעם רויטען אונטער־שלאק.

דער גענעראל געהט ווייטער און ווער ווייס, וואס עס טוט זיך אין זיין הארץ אין דער רגע.

דער פונק איז געווארפען געווארען און דער עולם גיט זיך א לאז צום גענעראל. עס ווערט א שטיקל סומאטאכע. עס באוועגען זיך הענט אין דער לופטען און זידלערייען לויפען. דער שינעל איז שוין אין די הענט פון המון. מ'קעלט עס אי־בער אויף דער לינקער זייט. מ'הענגט עס אן אויף א שטעקען און מ'לאזט זיך אוועק איבער די גאסען מיט דעם נייעם שטאנדארט, זינגענדיג די מארסעליעזע.

(„פאלקס לעבען" ביאליסטאק)

פולער באריכט פון די זיצונגען פון דער אקציאנס־קאמיטעט קאנפע־רענץ אין לאנדאן

(שלום)

אונטער זעהר אן איינדרוקספולער שטימונג האבען זיך געענדיגט די זיצונ־גען פון גרויסען אקציאנס קאמיטעט.

ה' נחום סאקאלאוו איז געווען יושב ראש, ארום איהם זיינען געזעסען פרא־פעסאר ווארבורג, דר. ווייצמאן, דר. האנטקע, דר. יאקאבסאן און דר. שמריה לעווין. דר. מאקס נארדוי האט גע־שיינט צווישען די פארזאמעלטע. אחוץ די מיטגלידער פון אקציאנס קאמיטעט זיינען צו דער שלוס זיצונג אויך צוגע־לאזען געווארען איינינע געסט.

ה' נחום סאקאלאוו מאכט צוערשט א זעהר וויכטיגע ערקלערונג בנוגע דער פא־ליטישער לאגע. ער זאגט: אז וואס איז נוגע דער פראגע פון מאנדאט איז דאס שוין א געענדיגטע זאך; די איינציגע פרא־גע וואס דארף נאך ענטשיידעט ווערען איז די פראגע פון די פאלעסטינער גרעני־צען. ער גיט נאכהער דאס ווארט צו דר. מאקס נארדוי.

דר. נארדוי ערקלערט אז די ויכוחים, וואס זיינען אנגעגאנגען אויף די זיצונ־גען, האט ער אויך געפינען פאר נייטיג זיך צו באטייליגען און ארויסזאגען זיי־נע מיינונגען איבער פארשידענע פראגען, מיט וועלכע מען האט זיך באשעפטיגט. איצט אבער זיינען שוין די ויכוחים גע־שלאסען און ער וויל איבערגעבען זיינע איינדריקע פון די זיצונגען. ער איז געווען שטארק בעריהרט פון דער ערנסטקייט מיט וועלכע מען האט זיך באצויגען צו דער גרויסער ארבייט וואס שטעהט פאר.

דר. נארדוי לויבט דאן שטארק די אר־בייט פון דר. ווייצמאן און ה' נחום סא־קאלאוו. ער חזרט איבער דאס וואס ער האט שוין איינמאל געזאגט, אז ס'איז גע־ווען א גרויס גליק, וואס אין דעם וויכטי־גען היסטארישען מאמענט האבען זיך געפונען די צוויי אידען וועלכע האבען געטאן דאס וואס מען האט באדארפט כדי די צוקונפט פון אידישען פאלק צו זי־כערען. ווען עס וועט ענדגילטיג פאלקס־רעכטליך און עפענטליך געגעבען ווערן דער מאנדאט, פאר וועלכען זיי האבען געארבייט, וועט דאס זיין דער אינסטרו־מענט, וואס וועט העלפען דאס אידישע פאלק צוריקבויען זיין נאציאנאלע היים און שאפען פאר זיך א זיכערע עקזיס־טענץ.

„זיי, דר' ווייצמאן און ה' סאקאלאוו — זאגט ווייטער דר. נארדוי — האבען נישט פארלאנגט אלץ וואס ער וואלט גע־וועו וועלען אז זיי זאלען פארלאנגען אבער זיי האבען פארלאנגט און דער־גרייכט וואס איז אונגעהויער וויכטיג, און עס איז גענוג צו שאפען אן אבמאך פאר דעם שוצלאזען פאלק.

„נאך א פראגעס האב איך באמערקט וואס פרעהט מיך זעהר; מיט א יאר צו־ריק האט צו מיינע אויערען דערגרייכט א קלאנג, אז דר. ווייצמאן האט געזאגט, דאס מען וועט אין אנפאנג בלויז קענען אריינ־ריינגען 2000 אידען א יאר נאך ארץ ישראל. דאס איז געווען אזא צאהל, וואס האט געקלינגען לעכערליך. אבער איצט האט מיך געפרעהט צו הערען פון דר. ווייצמאן, אז די אימיגראציע וועט גלייך פון אנפאנג אן קענען זיין פון 20 טוי־זענד אדער 30 טויזענד א יאר. און ס'איז מעגליך זאגאר 60 טויזענד". ער האפט, אז דר. ווייצמאן וועט ווייטער שטודירען די פראגע, און מען וועט די מעגליכקייט פון אידישער אימיגראציע אין פאלעס־טינא נאך מער פארגרעסערן, ווייל מען מוז דארט האבען אזוי גיך ווי מעגליך 500 טויזענד אידען; ערשט נאך דעם וואס עס וועלען דארט זיין אזא צאהל אידען וועט די אידישע נאציאנאלע היים זיין א ווירקליכקייט.

ער ענדיגט מיט די ווערטער, אז עס וועט די אידישע מאסע געווים פרעהען צו הערען דורך זיין מויל, אז זייערע ווינשע, בענקענישען און נייטווענדיגקייטען הא־בען געפינען די בעסטע פארטרעטער, און זיי האבען אלץ געטאן כדי זיי צו פאר־ווירקליכען. „יישר כחו" רופט אויס דר. נארדוי.

דר. ווייצמאן רעדט נאך דר. נארדוי, ער זאגט, אז עס האבען עקזיסטירט ווי ס'איז גאנץ נאטירליך אז ס'זאל עקזיס־טירען מיינונגס פארשידענהייטען בנוגע די פראגען פון עמיגראציאן, פינאנצן און באזיין פון באדען, אבער עס איז געווען אן אלגעמיינע שטרעבונג צווישען אלע ציוניס־טען, אז מען זאל זיך איינפארשטעהן און אים פרעהט וואס איז געקומען צו אן איינפארשטענדניס. די ארבייט איז מיט אזוי פיעל שווערע מיה ווייל מיר לעבען אין אונזיכערע צייטען, ווער ווייסט וואס עס וועט נאך זיין און זעקס מאנאטען ארום, ווער ווייסט וואס עס וועט נאך געשעהן מיט'ן רוסישען יודענטום.

איך שטעה אויף דעם זעלבען שטאנד־פונקט, ווי לארד קיטשענער איז געשטא־נען, ווען ער האט זיך גענומען שאפען די גרויסע ענגלישע ארמיי, וועלכע איז נאכ־דער געווען אזוי זיגרייך. ער האט צו־ערשט געפאדערט די ערשטע הונדערט טוי־זענד און תיכף נאכדעם האט די ארמיי זייער שנעל געוואקסען און זי האט אויס־געוואקסען צו מיליאנען. אונזער זארג דארף איצט אויך זיין צו באזעצען די ער־שטע הונדערט טויזענד אידען אין פאלעס־טינא. דער צוזוואוקס נאכהער וועט געהן ראשיג שנעל, און מיר וועלען ווערען פאל־שטענדיג די בעלי הבתים פון אונזער לאנד.

די פליכט ליגט אויף אלע ציוניסטען אז תיכף ווי דער מאנדאט וועט געגע־בען ווערען זאלען זיי זעהן מען זאל פון אים רעדען איבעראל, אי יעדער אידישער קהלה, אי יעדער אידישער שול, אין יעדען אידישען קרייז, און אלע זאלען טהון וואס איז נאר מעגליך אי ארבייט צו אונטער־שטיצען.

דר. ווייצמאן ענדיגט זיין רעדע מיט א רוף צו אלעמען: — שלום!

ה' סאקאלאוו זאגט:

בעפאר נעילה וואלט איך וועלען נאך איינינע ווערטער זאגען: וואס איז דער רעזולטאט פון דער איצטיגער קאנפערענץ? רעקאנסטרוקציע, צוריקאויפבוי. איז איצט דאס שלאג ווארט ביי אלע פעלקער. צו־ריק אויפבויען די חורבה. דיזע פארזאמ־לונג האט צוריקאויפגעבויט די ציוניסטי־שע ארגאניזאציע. מיר האבען זיך צוריק געקערט צו איין איינגעארדנעטע ארבייט און מיר דארפען זיך דערפאר איינער דעם אנדערען ווינשען גליק. נאך פיעל יארען פון אבגעריסענקייט האבען מיר זיך ווי־דער געטראפען. דא זיצט פראפ. ווארבורג, דער יעניגער וועלכער איז אויפן לעצטען קאנגרעס געוועהלט געווארען אלס פרעזי־דענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. דא זיצט דר. יאקאבסאן מיט זיין צניעות'־דיגען שווייגען, וועלכעס די פארזאמלונג האט פארשטאנען אפצושאצען. נישט ווע־ניגער חשוב'דיג ווי די רעדע פון פיעלע אנדערע. אויך האנטקע איז מיט אונז, דער פאנאטיקער פון דער ארגאניזאציע. ווי גרויס איז די שמחה זיינע ווען אונז איז געלונגען אויף די פיס ווידער צושטעלען אונזער ארגאניזאציאן.

דאס זיינען די בערג פון אונזער אר־גאניזאציאן. איך זעה אויך נארדוי'ס שנעע באדעקטע קאפ, דער אלערהעכסטער בארג, וועלכער איז ווי דער טל פון חרמון וואס באדעקט מיט זיין פרישקייט די בערג פון יהודה.

מען וויל צווישען אונז געגענזאצע געפינען, אבער זיי זיינען ניטא. די מאכט וואס די פארזאמלונג האט געשאפען וועט אונזערע אינסטיטוציע אויפהאלטען ביז'ן קומענדען קאנגרעס. ארץ ישראל מוז אונ־זער בנין עין לעולם ועד.

דר. האלפערן און ה' ניידיטש האלטען נאך קורצע רעדעס, און אין א זעהר גע־הויבענע שטימונג האט זיך די היסטארישע ציוניסטישע קאנפערענץ געענדיגט.

מאנטאג איז אין „פיפעלס פאלאס" לאנדאן פארגעקומען א באנקעט לכבוד די געסט פונם ציוניסטישען אקציאנס קא־מיטעט.

די זאל איז געווען דעקארירט מיט ווייס־בלויע פארבען. א ציוניסטישע פאהן האט אראפגעהאנגען איבער'ן גרויסען אר־געל. די טישען זיינען געווען פארפוצט מיט פארשידענע פרוכטען און אן ארקעס־טער האט די גאנצע צייט געשפיעלט.

אויפ'ן באנקעט האבען זיך צווישען אנ־דערע באטייליגט פראפ. ווארבורג, דר. האנטקע, דר. שמריה לעווין, ה' נחום סאקאלאוו, דר. הערץ, דר. יאקאבסאן דר. בעהם, אינזשענער סטריקער און ה' זאכער.

נאך דעם ווי ה' זאכער האט אין נאמען פון די ענגלישע ציוניסטען ווארם באגריסט די אויסלענדישע מיטגלידער פונ'ם ציוניס־טישען אקציאנס קאמיטעט איז דאס ווארט געגעבען געווארען צו פראפעסאר ווארבורג וועלכער האט דערמאהנט ווי אזוי ער האט זיך מיט די ענגלישע ציו־ניסטען געזעהן אין דייטשלאנד איינינע טעג פאר דער מלחמה. ער גיט איבער די געפיהלען בעת דער מלחמה. הגם מיר זיינען געווען ביטערע שונאים אויסערליך, זיינען מיר אבער געבליבען פריינד אינער־ליך. יעצט אבער נאך די גרויסע זיצו־נגען פונ'ם אקציאנס קאמיטעט דיזע פאר־גאנגענע טעג אלס חברים זיינען מיר גע־קומען צו פולער איינפארשטענדניס און נאך דיסקוסיאנען פון די וויכטיגסטע פרינציפען האבען מיר איינגעשטימיגען און אל־איינהייטליכען פראגט. דאס איינציגע וואס האט געפעהלט איז די איינטיילנע־מונג פון די אמעריקאנער ציוניסטען.

דר. בעהם גיט א פאר שטריכען פון וויענער יודענטום וועלכע איז אמאל גע־ווען איין אסימילאטארישער צענטער, איצט אבער האט ער א גרויסע ציוניסטי־שע סביבה און נאציאנאלע אטמאספערע וואו דער הערצעל גייסט שוועבט; די מלחמה מיט אירע ערפינדונגען האט אין אונז נישט געבראכען דאס נביאישע, דאס אלמענשליכע, כי מציון תצא תורה גב"ו.

דר. הוגא בערגמאן, (טשעכא סלאוואר־קיען) באמערקט אז מאנכע רעדען פון אי־דען אין טשעכא סלאוואקיע ווי פון א ווילד פעלקערשאפט, אבער דאס עהנליכע צווי־שען אונז איז, אז זיי האבען אויך גע־האט דורכצומאכען נאציאנאלע קעמפע — זיי זיינען אין עסטרייך איינגעפרעסט אונבעקימערט געלעגען; זיי האבען אבער געפינען סימפאטיע צווישען די גרויסע אייראפעאישע מעכטע. און יעצט האבען זיי זייער אונאבהענגיגקייט. זייער רעגי־רונג, זייער פרעזידענט פראפעסאר מאזא־ריק איז א גרויסער יודען־פריינד און ציו־ניסטען־פריינד; די טשעכישע ציוניסטען זיינען ערגעבענע ציוניסטען און ארבעי־טען טרויאונגספאל.

ה' בן אבי רעדט אין א ריינעם „מאר־מעלישען" — העברעאיש רעדען — זאגט ער — זיינע עלטערען האבען טריי אלס אידע־אליסטען אויסגעוואנדערט מיט פערציג יאר צוריק נאך דער ארץ הקדושה, דארט האבען זיי אימער געהאפט, אימער גע־ליבט און ערווארטעט אז דאס לאנד וועט סוף כל סוף אויפנעמען אונזער גרויסען קבוץ גלית.

בריעף אין רעדאקציע

א טענה צו די מעות חטים קאלעקטארס

ווערטהער הערר רעדאקטאר פון „וועג".

אנערקענענדיג אייער ווערטהע צייטונג אלס א צייטונג וועלכע באהאנדעלט לעצ־טענס אלע פראגען וואס פאסירען אין אידישען רעטרים מיט די בעסטע פעהיג־קייטען וואס עס געפינט זיך אין אייך. פערהאף איך אז איהר וועט מיר געבן פלאץ אויף אייערע ווערטהע קאלומס צו קריטיקירען די 2 קאלעקטארס היינטיגס יאהר פון מעות חטים און אויב איך בין אומגערעכט, הערה רעדאקטאר, וועל איך נאכקומען אייער בעשלוס אין פולען זינען דאס ווארט

יעצט צום פונקט:

איך בין אין א ביזנעס אויף דער אי־דישער גאס (הייסטינגס סט.) מאך ביזנעס בלויז פון אידען. געוועהנליך איז נישט מעהר ווי רעכט אז אלע אידישע אינסטי־טוציעס זאלען פאטראנייזד ווערען פון דעם יעניגען ביזנעסמאן, אבער די פראגע שטעל איך: צו קען מען אפטעקסען, צו מעג מען אפטעקסען אז אזוי פיעל מוזט געבען, אז נישט וועט מען דיינע ביזנעס אזוי אדווערטייזען אז דו וועסט שוין פאר־זאגען קינדס קינדער, אז זאלסט געבען וויפיעל מען הייסט. איך בין אריינגע־שטעלט געווארען אין ביזנעס ביי משפחה און גוטע פריינד מיט פרעמד געלד... בין נאך שולדיג שעהנע טויזענדער, הלואי אב־צאהלען דאס אין די נעקסטע 2 יאהר. איך האב געגעבען 2 דאל. מיט 50 סענט מעות חטים. לויט מיין כח. איך שיק אייך 2 טשעקס איינעם וויפיעל איך קען גע־בען און איינעם — וויפיעל איך קען נישט געבען נור איידער עס זאל שא־דען מיין גוטען נאמען פאר די לעצטע 10 יאהר אין דעטרויט און אויך פיליכט מיי־נע ביזנעס מוז איך געבען אפילו מען זאל פארלאנגען 10 מאהל אזוי פיעל כ'בעט אייך ענטשולדיגונג, הערר רעדאק־טאר, פיליכט האב איך עס געמאכט צו לאנג. איך קען מיינע געפיהלען אין קור־צען נישט אויסדריקען. בעט איך אייך איהר זאלט אזוי גוט זיין און זעהען מיין געלד זאל אנקומען אומבעדינגט פיר מעות חטים.

מיט גרויס דרך ארץ צו אייך.

א אידישער ביזנעסמאן.

נאכבאמערקונג: — דער אמת איז, אז מען קען יא טאקסירען ביי אידען, קהל קען אפילו נויטען אויך אימיצען ווען ער וויל נישט געבען וויפיעל מען האט איהם טאקסירט. און ווען מען רעדט פון נויטען, מיינט מען נויטען דורך פארשיעדענע מיט־לען.

דאס איז אבער גערעדט געווארען, ווען קהל ווייס אז ער קען געבען. אויב אבער א איד איז א בא בטענה אז ער קען נישט, אז ער אליין איז א בעל חוב און נויטען איהם צו געבען, מיינט געבען פרעמדע געלד, דאן איז עס א גאנץ באזונ־דער ענין און לפי השכל דארף מען אזא ביזנעסמאן נישט צווינגען צו געבען מעהר וויפיעל ער זאגט אויף זיין חן, אז ער קען געבען. דעריבער זאלען די קאלעקטארס קומען צו אונז אפנעהמען 12 דאלאר מיט 50 סענט

רעדאק.

לידער
פון אפרים סיימאן

הערבסט

קאלטע, בייזע ווינטען לייען —
שטעכיג־שווערע רעגענס גיסען —
געלע בלעטער, גאנצע הויפנס,
ווי יתומים אפגעריסען...

יעדער שלעפט זיך מיעד און יאוש,
אלעס גראבט זיך איין אין שימעל,
און אין הארצען נאגט אן אימעט,
— גרויער, שווערער הענגט דער הימעל.

ערגעץ ווייט אין מיין זכרון,
זיינען סודות שטיל באהאלטען,
פון א שעהנעם זומער־חלום
און א בייזען טאג, א קאלטען.

זיך איך טיעף אין מיין נשמה, —
וויל א טרייסט אין איהר געפינען,
שלינג איך לאנגזאם סם המות...
גרויע שעה'ן אהן א זינען...

Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
Detroit Office 255 Napoleon St

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

די בארימטע
ר'ב מאיר לאנדאן'ס מצות
אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע און לאנג קאסט ביליגער ווי נע וועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז
ר' מאיר לאנדאן'ס
מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery
478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

דער זיכערסטער וועג צו
שיקען געלט
צו אייערע קרובים איז
— דורך דער —
פיפלס רעליעף
וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז
פאר פאסט קאסטען
490 הייסטינגס סטריט
געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלערס
קעדילאק 2061

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

צו א דעטראיטער פארליעב-טען יונגענמאן

פון ב. י. ג—ן

א בריעף, וועהם איס פון אן אינטעליגענטען יונגענמאן, האבען מיר באקומען. אין דעם בריעף, געחתמ'עט רובין ק., ווערען פארקלאגט די פא־מיליען מיטגליעדער (א פאטער, מוטער, א שוואגער און א שוועסטער), וועלכע האבען זיך אריינגעמישט, ניט געפעטערהייד געוועהנליך, אין דער ליעבעס אפערע פון דעם מר. רובין ק., און זיי שטערען איהם דעם שידוך, צו וועלכען ער האט חשק.

„עס וואלט באדארפט איין מאל פאר אלע מאל קלאהר ווערען די פא־מיליען מענשען — שרייבט מר. רובין ק. — אז א דערוואקסענער בחור, וועלכער איז שוין זעלבסטשטענדיג מאטעריעל און פינאנציעל, מעג שוין זיין זעלבסטשטענדיג אויף אויסצוקלייבען זיך א כלה אהן אימיצענס עצות. איך בין 22 יאהר אלט. איך קען שוין ב"ה טראגען די אחריות פאר מיינע שריטע אין לעבען און איך נייטיג זיך כלל ניט אין מיין טא־טען אדער מיין שוועסטער, מיין מוטער אדער מיין שוואגער זאלען מיר העלפען טראגען די אחריות און זאלען דערוויל מיר שטערען צו לעבען ווי איך וויל און צו ליעבען די וואס מיין הארץ האט אויסדערוועהלט".

ווייטער שרייבט דער צווייער אין צוואנציג־יעהריגער מר. רובין ק. אז ער האט זיך אויסדערוועהלט א פרוי און זי איז ממש א מלאך. זי האט גאר קיין איין חסרון ניט. א מענש אהן א גאל. שעהן און געבילדעט און א פארדיענערין אויך. ניט מעהר — זי איז א פרוי און האט צוויי קינדער. אבער — פארזיכערט אונז מר. רובין ק. — זי איז נאך גענוג יונג. אין פאקט: ניט קיין סך עלטער פון איהם (זי איז 23 יאהר אלט) און זעהט אויס נאך יונגער. דערצו האט ער גאר ליעב איהר קלענער קינד ווי גלייך דאס וואלט זיינס געוועזן און דאס עלטערע קינד, איז אויך זעהר א טייער קינד.

אט דאס איגנאנצען איז דער חסרון און זיינע עלטערן — מיינט ער — האבען קיין רעכט ניט אריינצומישען זיך.

* * *

פרינציפיעל איז דער יונגערמאן גערעכט!

עלטערן און בפרט שוועסטער און שוואגערס, דארפען זיך ניט אריינמישען אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען און דארפען ניט אריינברענגען א שפאלטונג אין דעם רוהיגען פאמיליען לעבען.

אזא מין דעהזאגען ברענגט אריין א שנאה אין דער פאמיליע. ווער שמועסט ווען דער יונגערמאן פאלגט ניט און האט יא חתונה מיט זיין גע־ליעבטער מוז דעמאלט וואקסען די שנאה.

אבער זאגען אז אין אלע פעלע, וואס פאסירען אין די ראמאנטישע טעג פון זייערע קינדער, מוזען די עלטערן זיך ניט אריינמישען, דאס איז צופיעל געפאדערט און עס איז אויך ניט ראטזאם.

פאר אלין און אלעם דארף מר. רובין ק. באשליסען ביי זיך וואס זיינע עלטערן און קרובים זיינען איהם. זיינען זיי איהם פריינט? זיינען זיי אויסען זיין טובה? מיינען זיי פאר איהם גוטעס?

עס וואלט נאך פארשטענדליך געווען זיין רוגזה און כעס, ווען זיינע עלטערן און קרובים זאלען זאגען, אז עס שטעהט זיי ניט אן דער שידוך; אז זיי ווילען ניט אזא ארים מיידעל א. ד. ג. אזעלכע טענות.

דא איז דאך די חילוק הערפון וואס די עלטערן זעהען שוין איצט איין, אז א 22 יעהריגער בחור קען ניט זיין גליקליך מיט אן עלטערער אלמנה, וועלכע האט שוין צוויי קינדער.

און זיי זיינען גערעכט אויך.

דא איז גאר קיין פראגע פון יחוס וואו מען קען חושד זיין, אז די על־טערן זייטען עגאאיסטען; דא איז ניט די פראגע וואו די מאטעריעלע לאגע פון דעם צווייטען צד איז די שטערונג. דא איז א פראגע וואס די עלטערן האבען שוין צייט געהאט צו לייזען, א דאנק זייער פראקטיקע.

די עלטערן ווייסען ניט אז אויב זייער זוהן, מעג ער 22 יאהר אלט זיין, וועט זיך פארבינדען מיט אן עלטערער אלמנה מיט צוויי קינדער וועט ער גליקליך ניט זיין.

אצינד איז דער יונגערמאן פארבלענדט פון זייטע ראמאנטישע גע־פיהלען. ער זעהט ניט די אומנארמאליטעט פון אזא מין שידוך.

ער וועט אבער שפעטער יא איינזעהן די אומנארמאליטעט.

פרעמדע קינדער זיינען ניט קיין אייגענע. און באלד נאך דער חתונה ווען ער וועט ווילען לעבען, ווי בכלל יונגע לייט נאך דער חתונה: געהן אומעטום, זוכען אמוזמענטס, בזוכען טעאטער־פארשטעלונגען, קאנצערטען וכדומה און זיין פרוי וועט צוגעבונדען זיין צו איהרע קינדער, וועט ער דעמאלט דערזעהן זיין איילענדיגען שריט, וואס ער האט געמאכט.

עס וועט צו שפעט זיין.

ער וועט חרטה האבען. און ווען זיינע עלטערן און קרובים זאלען איהם אצינד ניט שטערען, און ווען זיי זאלען איהם אצינד ערלויבען צו טאן וואס ער וויל, וועט עס איהם שפעטער פארדריסען אויף זיי, למאי זיי האבען איהם ערלאזט אריינפעהלען אויף זיך אומאנגענעהמליכקייטען און אפשר מאכע גרויסע צרות און ליידען.

יא, אזוי איז דאס: אין פרינציפ איז מר. רובין ק. פאלקאם גערעכט: א יונגערמאן 22 יאהר אלט איז אליין פאראנטווארטליך פאר זיינע מעשים.

עס זיינען אבער דא פעלע, ווען עס איז א פליכט אויף די עלטערן אריינצומישען זיך אין די מעשים פון זייער זוהן און איהם שטערען, ווען ער וויל מאכען א נארישען שריט.

און מיט דעם שרייבער פון דעם אביגען בריעף איז עס אצינד אזא פאל. ווען זיינע פאמיליען מענשען און עלטערן וועלכע מישען זיך אריין אין זיינע ראמאנטישע אנגעלעגענהייטען זיינען פאלקאם גערעכט.

ער שענקט איהם

דער שמש וואס שלאגט מלקות: — ר' חיים, לעגט זיך, וועל איך אייך שמיי־סען מלקות.

חיים (לעגט זיך אוועק): — גוט, נו פאר. וואס דשי שלאגט איהר ניט?

שמש: — דערפאר וואס איהר, ר' חיים, האט זיך אליין אוועקגעלעגט, שענק איך אייך.

איין געשמאק

דאקטאר — איך מוז אייך זאגען די וואהרהייט, ליעבער מאן, אייער פרוי געפעלט מיר גאר ניט.

מאן — הערד דאקטאר, אויב אזוי

האבען מיר דאך ביידע איין געשמאק!

אן עקספערימענט

מיסעס גאלדשטיין קומט איינמאל פון גראסערי אהיים און זי געפינט אז איהר בענעלע שטופט עפעס מיט'ן פינגער דער קליינער בייבי אין אויערל און די בייבי, וועלכע איז בלויז צוויי יאהר אלט, שרייט מיט בענומענע קולות.

„לויפער דו" שרייט אויס די מוטער, „וואס ווילסטו טאן דער בייבי?"

„גארנישט, מאמע", ענטפערט בענע־לע. „איך האב היינט געלערנט אין חדר אז א מענש איז געמאכט פון ערד, וויל איך איינזייען אן ארבעס ביי דער בייבי אין אויער און זעהן ווי דער ארבעס וועט וואקסען".

א אידישע נוירסערי געגרינדעט

ווערטער רעדאקטאר פון „וועג"

אזוי ווי אייך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געוועזן די גרינ־דערס פון דע בית יתומים. יעצט שטעהט ביי דער בית יתומים אויף איין שטיקעל בארדען האבען מיר זיך ארומגעזעהען אז אויסער דעם בית יתומים איז נויטיג זיין דעי נוירסערי, ווארים קיין קינדער אונטער 4 אהר טאר מען ניט אריינגעה־מען אין בית יתומים. יעצט איז די פרא־ע וואס וועט מען טאן מיט די קליינע קינדער אונטער 4 יאהר וועמעס מוטער אדער פאטער שטארבען חלילה, ווען דער פאטער שטארבט און די מוטער וויל געהן ארבייטען. האבען מיר געגרינדעט איין דעי נוירסערי ווען די מוטער וויל געהן ארבייטען און איבערלאזט איהרע קינדער זאל זי ברענגען אין דער פריה די קינדער און אויף דער נאכט זיי אהיים נעהמען און איין נוירסערי פאר קליינע קינדער יתומים'לאך פון איין טאג ביז 4 יאהר נעהמען מיר זיך אונ־טער מיט גאטס הילף און די הילף פון גוטע מענשען מעמבערס, זאלען מיר עס זעגען אויספירען. מיר האבען צו קויפען איין פאסיגע הויז פאר איין נוירסערי עס פעהלט נאר געלד, געלד? אבער ווער וועט זיך אפזאגען צו געבען פאר אזא הייליגען צוועק ווי א נוירסערי? מיר וועלען רופען גלייך איין מיטינג. מעמבערס און נייע מעמבערס זאלען קומען צו דיעזען וויכטיגען מיטינג פיר דער גרינדונג פון א נוירסערי און דעי נויר־סערי.

די קאמיטע.

א אידישע שפראכען קאנ־פערענץ

אין דער בוקאווינא האט זיך געגרינ־דעט א קאמיטעט, וועלכע מאכט פארבע־רייטונגען צו פאררופען א קאנפערענץ, וואס זאל זיך באשעפטיגען מיט'ן שא־פען אן אנשטאלט געווידמעט פאר דער ענטוויקלונג און פארשפרייטען דער אי־דישער שפראך. הכנות פאר'ן ראזיגען צוועק זענען אנגעפאנגען געווארען נאך אין 1419. זיי זענען איבערגעריסען גע־ווארען דורך דער מלחמה.

ווי באקאנט איז אן עליכע קאנפע־רענץ אפגעהאלטען געווארען אין טשער־נאוו אין 1918.

די פוילישע רעגירונג און די אידען

א דעפוטאציע פון לעמבערגער ציו־ניסטען מיט דר. בראש האט געהאט א אינטערוויו מיט דער פוילישער רעגירונג אין ווארשא, וועגן די פארשפרעכונגען וואס פאדערעווסקי האט געמאכט צו די אידען אין מזרח גאליציע בנוגע זייערע פאליטישע, נאציאנאלע און קולטורעלע פאדערונגען, עלכע זענען נאך ביז איצט ניישט ערפילט געווארען.

די רעגירונג האט ערקלערט, אז זי איז מסכים צוריק אריינברענגען די אפ־געזאגטע אידישע מלוכה באאמטע, אבער זי ענטזאגט זיך קאטעגאריש אריינצונע־מען אידישע סטודענטען אין'ם לעמבער־גער אוניווערסיטעט. אדער צו פארזו־רגען נייע אידישע וואהלען פאר די אידי־שע קהלות.

עס איז אויך א ספק אויב די פארע־רונג, אז די אידישע שולען אין לעמבערג זאלען אנערקענט ווערען אלס פאלקס־שולען וועט נאכגעגעבען ווערען.

דער פוילישער פרעמיער האט איינ־געלאדען די לעמבערגער ציוניסטישע דע־פוטאטען פארטציזעצען די פארהאנדלונ־גען בנוגע דער אידישער לאגע אין מזרח־גאליציע, נאך דעם ווי די פויליש־רוסישע אונטערהאנדלונגען וועלען פארענדיגט ווערען, דאס זאל געשעהן אין אפריל.

די אלוועלטליכע קאנפערענץ פון דעם „הפועל הצעיר" צעירי ציון וועט שטאטפינדען דעם 12טען מארטש אין פראג, טשעכאסלאוואקיא.

זשאבאטינסקי וועט קומען קיין לאנדאן

די שטעלונג פון דר. ווייצמאן בנוגע די ציוניסטישע פאדערונגען און זיין צושטימונג צו שאפען א נייעם אידישען לעגיאן אין פאלעסטינא האבען געווירקט, צוריקצושטעלען די פריינדשאפט מצד די לאקאלע נעגער. איין רעזולטאט דערפון איז, וואס ה. זשאבאטינסקי וועט נאך פאר פסח אנקומען קיין לאנדאן, וואו ער וועט פארנעמען א וויכטיגען אמט.

די ציוניסטישע קאמיסיע אין פאלעסטינא

דער „ועד הזמני" אין ירושלים האט נאך 3־טעגיגע פארהאנדלונגען באשלא־סען אז, די פאלעסטינער מיטגלידער פון דער ציוניסטישער קאמיסיע זאלען ער־וועהלט ווערען דורך אלגעמיינע שטימ־רעכט פון די אידען אין א"י.

דער נייער באטאליאן אין פאלעסטינא

א טעלעגראמע פון ירושלים פון 25טען דעצעמבער איז מודיע: לעצטע־וואך איז דא געשאפען געווא־רען דער נייער אידישער באטאליאן. דער באטאליאן באשטעהט פון מיטגלידער פון די 3 דעמאביליזירטע אידישע באטאליאנען, און וועט זיך געפינען אונטער דער ליגטונג פון קאלאנעל מארגאלין.

א מתנה פאר קאלאנעל פאטערסאן

קאלאנעל פאטערסאן, וועלכער איז געוועזן איינער פון די שאפער און פיהרער פון דעם אידישען לעגיאן אין פאלעסטינא קומט קיין ענגלאנד. פאר זיין אפ־פאהרען האט איהם די אידישע קהלה אין ירושלים געשאנקען א „מגילה", אין וועלכער עס זענען פארצייכענט די פאר־דינסטען, וועלכע ער האט געלייסטעט פאר'ן אידישען פאלק.

MAZOLA

ווען מען זאגט אייך מאזאלא איז גוט נוטער פוטער אדער שמאלץ אין אייערע געריכטען, איז עס דערפאר ווייל מאזאלא איז א קרעפטיגער אויל, געמאכט פון די בעסטע קארן און ענטהאלט אין זיך אויסערגעוועהנליכע מעלות —
ערשטענס — מאזאלא איז אי כשר, אי פארעווע
צווייטענס — מאזאלא ווערט ניט איינגעצינדעט פון פייער אזוי שנעל ווי פוטער אדער שמאלץ, און דערפאר באקט עס און פרעגעלט בע־סער.
דריטענס — מאזאלא מאכט די שפייז לייכטער און גרינגער צו פארדייען
פערטענס — מאזאלא גיט צו טעם און געשמאק צו יעדען געריכט.
פרעגט אייער שכנ'טע וועלכע יוזט מאזאלא



ווי שלאפט אייער בייבי?

יעדער בייבי דארף שלאפען גוט, ווייל א שטילער, רוהיגער שלאף איז א צייכען פון גוטע געזונדהייט. אויב אייער בייבי וויינט ביי נאכט — אויב די בייבי איז אונרוהיג און נערוועז איז עס וואהרשיינליך די שפייז וואס פעראורזאכט דעם טראבעל. אויב איהר קענט ניט זויגען אייער בייבי, אדער אייער מילך איז ניט געזונד פאר דער בייבי, יוזט

Borden's
EAGLE BRAND
(CONDENSED MILK)

די שפייז וואס האט ערצויגען מעהר בייביס און געמאכט פון זיי שטארקע און געזונדע מענער און פרויען, ווי אלע אנדערע פערפערטיגטע שפייזען צוזאמענגענומען. געלויבט און רעקאמענדירט פון טויזענדע דאקטוירים.

שיקט אונז דעם קופאן היינט און איהר וועט קריגען איינ־סטרוקציאנען ווי צו שפייזען א בייבי, געדרוקט אין אידיש. איהר וועט אויך קריגען אונזער "בייבי בוך" וואס האלט פיער און פופציג פיידזשעס און ערקלערט אייך ווי צו האל־טען אייער בייבי געזונד און שטארק.

די הויכע קוואליטי, די ווונדערליכע עהנליכקייט און די עקאנאמי פון איגעל בראנד מאכט עס אלס די בעסטע פיר קאכען און באקען און פיר'ן טיש געברויך. עס מאכט די הויזווירטהין פריי פון זארגען פיר'ן צוקער מאנגעל. אויסער דעם וואס עס קאסט פיעל ביליגער. קויפט א קען היינט און יוזט עס פיר אלע זאכען וואו איהר יוזט געוועהנליך מילך און צוקער. טרייעט עס אין גרינ'ן פודינג.

צו בעקומען אין יעדען גראסערי דער לייבעל און נאמען דראג אדער גראסערי סטאר און אייער גאראנטי

The Borden Company
108 HUDSON STREET
NEW YORK

שניידט אויס דיעזען קופאן מארקט וועלכע ביכלעך איהר ווילט און שיקט היינט
Nam...
Street...
City...
State...
בייבי וועלפער בוך

בעקאנטמאכונג צו די דעטראיטער אידען

מאנישעוויטש'ס מצה גיט א פראזענט פאר'ן בית יתומים

אויפרוף צו אלע בערעזניצער לאנדסלייט

אנשים ונשים וטף

דאס הייסט מענער און פרויען, אלטע יונגע באיעס און גוירלס! פערפעהלט נישט צו קומען צו א פעקעדזש פארטהי וועלכע עס וועט שטאטפינדען זונטאג דעם 21־טען מערץ אום 7 אוהר אוועגד אין תפארת ישראל שוהל ווילקענס סט. (ביטווין הייסטינגס און ענטווין).

ברודער און שוועסטער, זייט וויסט, אז קיין איין זאך טוט זיך נישט אהן השגחה פילייכט זענט איהר געשיקט געוואָרען אין דיזען לאנד צו רעטען פון הונגער־טויט אונזערע ארעמע ברודער, שוועסטער און קינדער און אלמנות און יתומים וועלכע געפינען זיך אין אונזער שטעדטעל ברעזניץ:

רחמנים בני רחמנים

דערוועקט דעם רחמנות אין אייערע הערצער און קומט צום פערזאמלונג, ד. ה. צום פעקעדזש פארטהי

די בערעזניצער קאמיטע.

Oullette Gardens

אייער צוקונפט און אייער גליק ליגט אין

אילעט גארדענס

מארגען אין „וועג"

קענט איהר וויסען אלע איינצעל־הייטען, זעהט אז איהר זאלט ניט פארנאכלעסיגען א גאלדענע געלעגענהייט מארגען

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 3c.

DETROIT, MICH., Thursday, March 18th 1920 Vol. 2, No 31

דאנערשטאג, מארטש 18, 1920

סאָוועטען פּראָקלאַמירט אין פיעל דייטשע שטעט; קאַפּ האט רעזיגנירט

49 דעפּאָרטירטע „רויטע" באפרייט

לויט אן ארדער פון וואשינגטאן, זיי־נען 49 פון די איבער 200 ארעסטירטע ראדיקאלען אין פּאָרט וועין, באפרייט געווארען לעצטען דינסטאג.

דער באפעהל האט אינסטרואירט די אימיגראציאָנס־אויטאָריטעטען, וואפּרט צוריקצוציהען די קלאגען געגען די באַטרעפענדע 28 פערזאן און אויך זיינע ערהאלטען געווארען „איינעגע קענסעלייי־שאנס פאר מאנכע באשולדיגטע, וואס שטעהען אונטער באנדס.

דער הויפּט אימיגריישאן אפּיסער, מר. פּרענטיס, איז אויך אינפארמירט געווא־רען פון וואשינגטאן, אז דער באפעהל, וואס איז לעצטע וואך ארויסגעגעבען גע־ווארען צו דעפּארטירען איינינע ארעס־טירטע ראדיקאלען, זאל דערווייל ניט דורכגעפיהרט ווערען, ביז דער צייט ווען דעפּאָרטירונגען קיין רוסלאנד וועלען בא־נייעט ווערען. די באטרעפענדע ארעס־טירטע קענען ארויסגעלאזט ווערען אויף באנדס, ביז ווייטערע ארדערס.

באריכטען פון סאוועטען רע־פובליק אין דייטשלאנד.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

מיר האבען באקומען פון אונזער אויסלענדישען קארעספאנדענט א גאנצע ליסטע מיט נעמען פון דעטראיטער אי־דען וואס ווערען געזוכט פון זייערע קרובים אין יוראפ; אויך א ליסטע פון קרובים וואס גריסען זייערע פריינד אין דעטראיט; אויך א מאסע בריעף פאר דעטראיט׳ער אידען. דיזע ליסטע וועט מארגען פארעפענטליכט ווערען אין „וועג". אונזערע לעזער זענען געבעטען צו לייענען דיזע ליסטע און דער עיקר פון די דעטראיט׳ער וואס ווערען גע־זוכט [...]

קאנגרעססמאן שלאגט פאר הלואה פון א ביליאן דאל. צו דייטשלאנד

וואשינגטאן, מארטש 17 — קאנ־גרעססמאן סמיט האט איינגעבראכט א פארשלאג אין קאנגרעס, דאס דער טרע־זשורי־דעפארטמענט פון די פאראייניגטע שטאטען זאל אויסבארגען דייטשלאנד א ביליאן דאלאר, כדי דייטשלאנד זאל קענען קויפען שפייז און רויע מאטעריא־לען אין אמעריקא.

[...]

ער האט ווייטער אנגעוויזען, דאס די עלייעס דענקען צו מאכען א הלואה צו דייטשלאנד, דארום וואלט געווען זעהר גוט, ווען די פאראייניגטע שטאטען וא־לען אויך מאכען הלואה, כדי דער דייט־שער האנדעל זאל ניט ווערען איינגאנצען פארכאפט פון די עלייעס.

באמבע עקספלאזיאן טרייבט ארויס 20 מענשען פון בעטען

[...]

וואלונטירען נויטיג פאר׳ן ערפאלג פון „קינדער־היימען"

[...]

אויף דעטראיטער גאסען

[...]

לאַקאַרט זאגט זיין פרוי ניט משוגע — וויל ער זי אפּגעט׳ען.

ראי ע. לאקארט, דער מאן פון דער באוואוסטער מרס. ייזעל לאקארט פון ראיאל אוק, וועלכע האט לעצטען סעפּ־טעמבער, געמאכט א פּארזוך צו סמ׳ען אוהרע צוויי טעכטער, און וועלכע ווערט איצטער געהאלטען אין א משוגעים־הויז, האט איצט איינגעגעבען א פּעטיציע פאר א גט אין סירקוט קאורט, ווייל ער האלט אז זיין פרוי איז ניט משוגע, נאר אפשוטע פארברעכערין.

[...]

דאקטאר פארמישט אין „געפייקטען" 5000 דאלאר האלד־אפּ

כלמרשטדיג בארויבטער קלוירק פון דער מארטאן קאמפ., איז מודה אז ער, מיט נאך איינעם האבען „געגנבעט דאס געלט. דאס געלט גע פונען ביי א היגען דאק־טאר אין הויז.

[...]

טעות אויבעסערונג צו דער נעכטי־גער שטיקעל נייעס

פון מארטאן בייקינג קאמפּ. איז דורך א פארדריסליכען טעות אין דרוק געווארען „מארטאן בענקינג קאמפּ.", און דאס האט שוין אויך פאראורזאכט א טעות אין קעפּעל.

פרייטאג ענדיגט זיך דאס פּאַ־קען שטעלען אין ווינדזאר.

[...]

צו אונזערע לעזער אין פלינט

[...]

CLASSIFIED

די בעסטע פרייזען
פאר דיימאנדס און אלערליי דזשולערי
צאהלט
The Boston Refiners
169 Griswold St.
3rd floor take Elevator

שומרי שבת, שניידערס, וועלכע היי-טען שבת, גוטע אידישע 5 טעג א וואך ארבייט, פרעגען: א. מעסער-מאן, 100 איסט קאנגרעס. 21)

צו פארקויפען. א ביזנעס פלאץ אויף ריווארד, צווישען פארעסט און נאר-פיעלד, בילדינג 24280, גראסערי און פלייש סטאר, פרייז $9.000 איינ-צאלען $2.000 אדער א סינגל אדער פלעט אין טרייד פוילישער געגענד. פרעגען: ב. בארזינסקי 865 שעין סט. 19)

עקסטרא סיילעסלייט פאר-לאנגט. פרויען אדער מענער, צו אר-בייטען שבת אין אווענטע, מוזען רייד-דען פויליש, אויך איין סיילעסמאן פאר א.שטענדיגען פאזיציאן, גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאנען. פרעגען: ס. שווארץ 1421 שעין סטריט 22)

קלאדינג און דזשענטס פארני-שינג סטאר, גוט איינגעטרייטעטער סטאר, צו פארקויפען אין אן ארבייטער געגענד. זיכער א לעבען צו מאכען. אורזאכע — פארלאזען דאס לאנד, ביי-ליג רענט. פרעגט נאך 1693 ראסעל סטריט, ס. סינעמאן. 21)

לענדלארדס איפמערקזאם! פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, לי-סען, אדער רענטען פאר ווייסע און ניג-ראס, **האריס און לואיס,** 481 אנ-טוויין סט., טעל. טשערי 8014 19)

צו רענטען א קאטעדזש, 80 איסט ווארען, 7 רומס. וועל פיקסען די פראנט פאר א סטאר אויב פארלאנגט. זעהר א גוטער געגענד פאר א גרא-סערי, פרעגען: גלענדייל 2737 17)

באקאנטמאכונג!
מר. אלטער קאצער
דעטראיט'ס בעסטער מוהל פאר די לעצטע 20 יאהר, לאזט וויסען דאס פובליקום, אז ער האט געמופט פון 263 פארנסווארטה צו 140 מערצערי קארנער בראש. טעל. מארקעט 827.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
נעהמט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.
אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגענאיבער עקרליך"ס דזשולערי סטאר.

ווארע בילינ, פאר סטאר-קי-פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קוירטענס, פענסי דריי-גודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

שיקט אריין נאר
2 דאלאר

וועט איהר באקומען א **האלב יאהר צייט** איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען,
דאס „פאלקסבלאט",
א **דעמאקראטישער** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"**, וועלכעס האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוי-לען, ליטע א. א. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוי-לען, ליטע, אוקראינע, א. א. וו.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר אויך בעקומען גריסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.
דאס **„פאלקסבלאט"** וועט אייך אויך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר פערקניפען געשעפטליכע בעצי-הונגען מיט מזרח-אייראפא.
דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס „פאלקסבלאט"**. אדרעס:

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. נאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 מערצורי
טעלעפאן: מארקעט 827

דר.
ה. סטאריקאף
ד ע נ ט י ס ט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר-קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נער מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דור ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פוירנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע סיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין. פראפ.

קוואסעלאוו און קאטליערס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פוירנישינגס, נייט גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע

רא**מאן** פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

פיאדאר האט אנגעקלונגען, געהייסען נאך אמאל דעקען דעם טיש און לע-דערבארג האט ווייטער גערעדט:

איך האב זיך שוין געמוטשעט דעם מוח וואס האט זיך פלוצים פיאדאר פאר-גלוסט מיך צו זעהן, נאר איך האב באלד געטראפען, מסתמא האט ער געוואלט ערגעץ א פאר אויגען מיט צוויי לאנגע צעפ, האט מען געשיקט נאך לעדערבארג'ן נא, דאס איז גאר קיין נייעס, פאר וואס זשע זאל איך פריהער רוהיג טארען עפעס נעמען אין מויל, האב איך זיך געטראכט, געהערט אהער האב איך זיך אויך גע-טראכט, א וואס פאר א צינגע ביבקעס זענען היינטיגע יונגע לייט און מיינען אז זיי וועלען זיך ארויסדרעהען אהן לע-

דערבארגען, און וואס לאזט זיך אויס? אז נאך זייער גאנצע ראמאנצען אויף די בעלער און טעאטערן, העלפט אלעס ווי א פעטרושקע און סוף כל סוף קומט מען אן צו דעם אלטען לעדערבארגען — און לעדערבארג מאכט עס אפ אין איינס און אין צוויי, און פארטיג, אהן אייערע אלע קאוואליערסקע שטיקלעך מיט ליע-בעס, מיט ארומטאנצען, מען דארף נאך לעדערבארגען גוט באצאהלען און גוט פארבייסען איז כאטש די ענגלישע מלכה — נא זשע דיר באלד, נאר ניט פריהער איידער איך וועל אפעסען, נא זאג שוין, א וואס פאר אן ענגלישע מלכה איז דיר אזוי שטארק געפעלען?

— הער נאר דו פאדליעץ, האט זיך פיאדאר אנגערופען פול מיט כעס, איצ-טער מאך מיר ניט דיינע שעהנע שטור-קעס, ווארים דו וועסט פון מיר גלייך בא-פען אין דער מארדע אז דו וועסט אראפ פון דריטען עטאזש און בלייבען זיצען רייטענדיג אויף א דיאקע, ווייסט מאו דיאק וואוינט? ניט איצטער פאסען דיינע פוסטע ווערטלעך, איך האב דיך ניט גערופען צוליעב איין ענגלישע-מלכה.

כא, כא, האט זיך צולאכט לעדער-בארג, פיאדאר האט מיך ניט גערופען צו קיין ענגלישער מלכה — האסט מיך אודאי גערופען זאגען תהלים, אדער שריי-בען א ספר תורה, אויך גוט, איך קען דאס אייך, איך ברודער בין אוים א איד, ווי זאלסט זעהן וואס פאר א פעטע עליה איך האב נעקויפט היינטיגע ימים נוראים אז פרומע אידען מיט פאות האבען זיך

באלעקט, די סלונע איז זיי איבערגענאנ-גען. —

— דו הערסט ניט אויף אלטער הונט רעדען פון אזעלכע זאכען וואס מען פרעגט דיך ניט? איך וועל דיך דא אויף דעם ארט דערדישען, אט דער לייב-טער וועט דיר שטעקען אין קאפ! איך רעד מיט דיר פון איין אומגליקליכען מענשען וואס מען דארף איהם ראטעווען כמעט פון טויט, און דו מוזט זי מיר ארויראטעווען, אז נדו אלטער ווערטעלסט זיך גאה.

לעדערבארג האט אנגעהויבען צו שרייען אז ער זאל איהם אפלאזען דעם גארגעל וועט ער זיך אויפהערען צו ווערטלען.

פיאדאר האט אל ניט מיט זיין, קוי געשריען אז מען מוז זי ראטעווען.

ווען ער האט איהם אפגעלאזט איז לעדערבארג געווארען אביסעל ערנסטער.

— נאר לאז מיך אויך ערדען א ווארט מישוגענער, דו ביזט איצט משוגע צו וואס? — דו שרייסט פון אן אומגליק-ליכער, פון א אידיש עהרליך מיידעל, מען דארף זי ראטעווען און איך ווייס ניט וואס, דו האסט מיר דען עפעס דער-צעהלט עגען איהר?

— וואס? איך האב אייך נארניט דערצעהלט? האט ער פארוואונדערט איבערגע'חזרט און זיך אומגעקוקט וואו ער געפינט זיך.—

פיאדאר האט זיך איין דערשראקען פאר זיך: איך ווייס ניט וואס איך האב גערעדט? איך געדענקט ניט צו האב איך אייך דערצעהלט? האט ער לעדערבארג'ס פראגע איבערגע'חזרט. —

— יא, איהר האט מיר גאר ווענען דעם דעצעהלט.—

דער דיענער האט געדעקט דעם טיש און ווען לעדערבארג האט גענעסען האט ער איהם דערצעהלט:

— דא אין אדעס געפינט זיך מיי-נע א באקאנטע פריילין, וויל איך דו זאלסט זיך דערוויסען איהר אדרעס.

— איך פארשטעה דיך ניט, אין אדעס געפינט זיך דאכט זיך איין „אר-רעסנים סטאל" וואס זשע ווילסטו פון מיר: און ווידער אז זי איז דיין באקאנטע, וואס דארפסטו אנקומען צו מיר? אייך דארף איך וויסען ווער זי איז, וואס איז זי, ווי אזוי רופט מען זי? —

— אין אדרעסני סטאל, האט מען זי ניט געפונען, זי רופט מען לאה זי איז

פון דער שטאדט ה...

לעדערבארג האט אנידערגעלעגט מע-סער און גאפעל אס ער האט ביז אהער געהאלטען אין די האנט און איז געזעסען שטארק פארנומען, זיינע אויגען זענען גע-ווארען גרעסער, די אויערען זיינע האבען זיך ווי אויפגעשטעלט: נאר באלד האט ער זיך ווייטער געבאפט צו דעם מעסער און גאפעל, געמאכט זיך א פיאדאר זאל איהם גאר ניט דערקענען אז ער ווייסט פון עפעס. —

די לעזער געדענקען געוויס אז אין זיין רייזע איז ער אויך געוועזען אין דער שטאדט ה... אויף דער „טויטער גאס" ער מיט זיין קאמפאניע האבען דארט ביי דער „ראבער מורליטשקע" אין שענק, פארבראכט א גאנצען אבענד, ער האט דארט געהערט ווי זעהר א שעהן מיידעל אה ר' שמועאל בער'ס איז פון איהרע עלטערן אנטלאפען און מען האט דארט עלעזען א קוויטעלע וואס לאה האט גע-אלט איבערלאזען איהרע עלטערן, פאר איהר אוועקגעהן, וואוס איז אין עטלי-כע ווערטער באשריבען איהר אומגלוק, און פאר וואס זי מוז אוועקגעהן, אהרקע טיבירניק האט דאס קוויטעלע געפונען קען האבען ארויסגע'גנב'עט פון ר' שמואל צווישען די זאכען וואס ער מיט מיכאיל בערס שטוב.

אין דעם קוויטעלע האט זי אויך אנ-געהופען ווער עס האט זי אומגליקליך גע-מאכט; לעדערבארג האט באלד געוואוסט אז ער קען דעם פאדלידשיק'ס זוהן, חייקען האט זעהר באג געטאן, וואס אזא טייערער קרבן איז פארלוירען געווארען פון איהרע הענט, לעדערבארג'ן האט אויך באנג געטאן, נא ער האט נאך ניט פאר-לוירען די האפנונג: וואו דען אנט-לויפט אזא אידיש מיידעל אז ניט קיין אדעס, האט ער זיך דענסמא לגעטראכט

— און ווידער פיאדאר איז זיך אין אדעס איז זי מסתמא צו איהם געפאהרען. —

און כאטש לעדערבארג האט פון פיא-דאר'ס ערשטע ווערטער געוואוסט פון וועמען ער רעדט, נאר ער האט זיך גע-מאכט אז פיאדאר זאל אן איהם ניט דערקענען אז ער ווייסט:—

לעדערבארג האט זיך נאר געוואונ-דערט דארויף: וואס זשע איז זי גע-פאהרען קיין אדעס אז ניט צו איהם? ער קען זי ניט געפינען? וואס קען דאס באדייטען?

— דערצעהל מיר אין גאנצען פאר-ראבנע וועל איך וויסען וואס איך האב צו טאן אויב ניט ייס איך גאר ניט, האט לעדערבארג געזאגט, אוועקלעגענדיג צי-לעצטען מאל דאס מעסער און גאפעל.—

פיאדאר האט זיך אויף קיין מינוט אט פארטראכט און דערצעהלט איהם אלעס פון לאה'ן, ווי אזוי זיין פאטער האט איהם עשיקט קיין ה... וועגען די נייע פאדראדען, ווי ער האט זיך בא-קאנט מיט לאה'ן און ווי עס האט זיך מיט זי געענדיגט. מיט איין ווארט אלעס האט ער איהם דערצעהלט אזוי ווי עס איז פון אנהויב אן באקאנט די לעזער.—

(פארטזעצונג פאלגט)

זיין רעיז

סעם: ווי געהט עס דיר, דזשיק?

דזשייק: שלעכט, דער יקרות ווערט אלץ גרעסער, איך קען קוים אויסקומען מיט מיינע פארדינסטען.

סעם: איך האב דאך געהערט, אז דו האסט געקראגען א רעיז.

דזשעננק: יעס, דער לענדלארד האט מיר גערייזט אויף די רענט און די וויב האט מיר גערייזט מיין געזינדעל.

ראזענפעלד'ס
רוסישע טערקישע באד
פאר אלע ווערלויע זוכען ריינליכקייט און גוטע בעהאנדלונג
30 גרויסע וואנעס — צוויי כשרע מקוואות
צווייג פאר פרויען יעדען מיטוואך. 1 6-84 אלפרעד סט. ביטווין ענטוויין און בוביען.

אין א ווינקעל פון דעטראיט
א נייער ראמאן, ספעציעל געשריבען פאר'ן „וועג"
פון ב. איסאיעוויטש
אין דיזען ראמאן ווערט דערצעהלט אן אינטערעסאנטע פאסירונג פון א אידיש פאר פאלק, וואס איז פארבונדען מיט דעטראיט.
דער ראמאן איז שפאנענד פון דער ערשטער פארטזעצונג אן.

דער „וועג" באמיהעט זיך אפצושפי גלען אלע דעטראיט'ער ענינים. די דעט-ראיט'ער אפטיילונגען אויף דער ערשטער פיידזש זיינען
„פון דעטראיט'ער געריכטס הויז"
„אויף דעטראיט'ער גאסען"
די אפטיילונגען אין די מיטעלדיגע פיידזשעס, זיינען:
„דעטראיט אויף דער לינק ער זייט"
פעליטאנען פון ישראלי
„דעטראיט'ער שפיגעל" —
— אינטערעסאנטע פאסירונגען פון דעטראיט'ער אידישען לעבען, געשריבען פון
הרואה ואינו נראה
„לאמיר זיך דורכריידען —
שמועס'לעך מיט דעטראיט'ער איד'ען פון
ר' ברוך'ל
„דעטראיט'ער צייטונגען ו עגען דעטראיט'ער ענינים —
די וויכטיגסטע עדיטאריעלע נאטיצען פון דער היגער פרעסע, איבערזיכט פון
ד. ראוויטש
„פון דעטראיט'ער צייטונגען" —
ארטיקלען אין וועלכע עס ווערט איבערגעגעבען דער תמצית פון די עדיטא-ריעלס פון די היגע צייטונגען מיט קאמענטארען פון
ז. ריזוקעזאן

ה א ל ל
צו פארענטען. אין אידישען אר-בייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי-טערארישע אווענטען קאנצער-טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.


ווילט איהר סייווע 30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוו-אנס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. —, טעלעראוו 4985

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל נענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטען גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר טענס; טייבעל קאווערס; שעמס און כאראפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ-סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס-מייקערס טרימינגס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן מיין 4420

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפעטער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
זו קומט צו
מ. ד א מ נ י ט ז
245 מאנטקאלםסט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס ערדזשיסטערס, נייע און געיוזטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד-לונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקסטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

ל. ד. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע
עופרידענהייט.
5 קעמעראן עווענ
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ-דען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט,
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

TELEPHONE CANAL ...
VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef, Tongues etc.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.
אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 **נאפאלעאן סט.**
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

OUELLETTE GARDENS



קומט היינט!

אייער געלעגענהייט איז היינט צו לעגען דעם פונדאמענט פאר א געזיכערטער צוקונפט דורך אן אינוועסטמענט אין ריעל עסטייט

1,000 לאטס

אין דעם בעסטען געגענד פון דער גרענעץ-שטאדט, וואס איז אויסשליסליך א רעזידענץ שטאדט.

אפען פאר ביזנעס
און אפגעשפארטער דאלאר

אינוועסטעד אין אולעט גארדען לאטס וועט אייך ברענגען גרויסען פראפיט

$4,000
א פראנט פוס

האט מען געצאהלט פאר אולעט עווניו פראנטאזש. מיר אפערען אייך יעצט לאטס אויף אולעט עווניו, צו 20 דאלאר פוס, 1 דאלאר איינצאהלען און 3 דאלאר א וואך.

$1.00 DOWN
$3.00 WEEKLY

NO TAXES
NO INTEREST

די פאלגענדע אינדוסטריען האבען בארימט געמאכט דעטראיט און איצט פארזיכערען זיי די צוקונפט פון ווינדזאר

וואס האט בארימט געמאכט דעטראיט

פארד מאטאר קאמפאני
סטודעבייקער
דזשענעראל מאטארס און עהנליכע קארפאריישאן
ווינדזאר האט איין
א פארד מאטאר קאמפאני
דזשענעראל מאטאר קאמפאני
סטודעבייקער
א מיליאן דאלאר האטעל
לעא טעאטריקאל קאמפאני בויעט א האלבען מיליאן טעאטער
עלען טעאטריקאל קאמפאני בויט א פערטעל מיליאן טעאטער,
דאס ווייזט אייך וואס ווינדזאר ערווארטעט אין דער צוקונפט.

זעהר וויכטיג!

ווען איהר קויפט א לאט איז ער שוין פאראינשורט, גלייך נאכדעם ווי איהר צאהלט איין הונדערט דאלאר, און ווען דער קויפער שטארבט, דארף מען מעהר ניט צאהלען און מען קריגט א פרייען דיד.

קויפט היינט

אן אולעט גארדען לאט און דאס וועט אייך ארויפארבייטען מיט דער צייט. די לאטס וועלען פארקויפט ווערען זעהר שנעל. אלזא האנדעלט שנעל! אויב איהר קענט היינט ניט קומען אין אונזער אפיס פילט אויס דיעזען ארדער און שיקט דאס אריין גלייך

THE WHITLEY CO.
484 HASTINGS ST., DETROIT, MICH.

Please select for me the best unsold lots left in your offering and send a marked map showing its location. I hereby enclose $1.00 as first payment on the above, with the understanding that you are personally to make the selection for me. It is also understood that if I am not entirely satisfied with my purchase when I visit your property and inspect same, which must be within 30 days from this date, you will upon date of inspection immediately exchange my lot or lots for any unsold lot or lots I may choose and the said choice or acceptance is to be made on the date of inspection.

Dated March 16, 1920.

Name..

Address..



THE WHITLEY CO.

Main Office 33 State St. 484 Hastings St. Detroit, Mich

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דאנערשטאג, 18טער מארטש 1920

וועגען דעם קאמפיין אין דעטראיט פאר קינדער היימען

די דעטראיטער אפטיילונג פון דער 'פיפעלס רעליעף' האט איצט אלע גאסען און געסלעך, אין אלע קראמען און אין אנדערע עפענטליכע ערטער ארויסגעהאנגען אן אויפרוף, וועלכער הויבט זיך אן מיט דער בקשה „זייט איינער פון די פינף און צוואנציג טויזענד“.

און עס ווערט ווייטער געזאגט אין די ליפלעטען און אויפרופען אז פון זונטאג דעם 14טען דיזען חודש האט זיך אנגעהויבען אין דעטראיט א קאמפיין פאר מיטגליעדער, וואס זאלען זיך אונטערנעהמען צו שטיצען די קינדער־היימען אין די מלחמה לענדער.

און הערביי געהט א זאץ וואס מיר האלטען פאר זעהר אן אומפאר־שטענדליכען און נעמליך: די דעטראיט'ער אפטיילונג פון דער פיפעלס רעליעף זאגט, אז —

„מיר האלטען פאר איבעריג — — — צו ערקלעהרען די נויטווענדיגקייט פון דעם קאמפיין, ווייל מיר גלייבען אז איהר ווייסט דאס שוידער־ליכקייט פון דער מלחמה און פון די פאגראמען אזוי גוט ווי מיר. מיר ווילען אייך ספעציעל איינפער קאם מאכען אויף די טויזענדער יתומים לעך, וועמעס עלטערען זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה און פאגרא־מען און אזעלכע געפינען זיך אין פוילען אליין 800,000, וואס נויטיגען זיך אין שפייז, קליידער, קינדער־היימען און שולען“.

אט דיעזער זאץ — נישט נאר ערקלעהרט ער נישט דעם צוועק פון דעם קאמפיין, נאר ער פארפיהרט נאך דעם דורכשניטליכען מנדב און עסקן. מיט ברייטקייט איז די פיפעלס רעליעף מודיע אז זי גלייבט דאס מען דארף קיינעם נישט דערקלעהרען דעם צוועק פון דיעזען קאמפיין און אונז דוכט זיך, אז — אדרבה — עס פאדערט זיך דורכאוס צו דערקלעהרען דעם עולם וואס די קינדער־היימען זיינען, וואס פאר א באדייטונג האבען זיי פאר'ן יתום אין פוילען און אין אוקראינע און מיט וועלכען דער איצטיגער קאמפיין אונטערשיידט זיך פון די אנדערע קאמפיינען, וואס דיזעלבע אר־גאניזאציע האט שוין אנגעפיהרט און וועט מסתמא נאך מוזען אנפיהרען אין דער צוקונפט.

פון דעם אפיעל וואס די פיפעלס רעליעף צעוואַרפט אין אלע גאסען קען מען קיין טאלק נישט דערגעהן: צי איז דאס א קאמפיין פאר בתי יתומים, צי איז דאס פאר געוועהנליכער רעליעף, צי איז דאס פאר די אידי־שע שולען, אדער נאר א נייער געשריי פאר שטיצע, צו וועלכען די אידען אין דעטראיט קולטערען זיך אפ, ב"ה, פון טאג צו טאג.

מיר האבען געמאכט אט דיזע לענגערע הקדמה, ווייל די קינדער־היימען זיינען ווייט נישט פאפולער אין דער אידישער גאס. לידער האט מען נאך זעהר ווייניג גערעדט און זעהר ווייניג געשריבען מכח זיי.

די פיפעלס רעליעף האט געדארפט זיין די ערשטע צו באקענען דעם עולם מיט דיזע זעהר וויכטיגע אנשטאלטען און כאטש בקיצור דערצעלען זייערע אויפגאבען.

אין אנהויב דיזען יאהר האט „יארשווי פארמאגט פירצעהן אזעלכע אינסטיטוציעס מיט 2,500 קינדער.

אבער דאס מאל פון דיזע אינסטיטוציעס (קינדער היימען) איז א טרוי ריגער. יעדען טאג איז די אינסטיטוציע נישט זיכער אריבערצולעבען דעם מארגען; מען מוטשעט זיך און מען קעמפט מיט'ן דלות; די לעהרער ווערען עקספלואטירט און שלעכט באצאהלט און דער דעפיציט וואקסט פון טאג צו טאג.

און וואס פאר א ווערט האבען אין וואַרשעווער פירצעהן שולען? הונ־דערט וואלטען ווייניג געווען! טויזענדער און טויזענדער אידישע קינ־דער וואלגערען זיך אין די גאסען, געהן ארום בטל, בלייבען גאסען־פעטלער און פארדארבען.

און וואו איז די פראווינץ?

נאר אפילו אט די 14 געצעהלטע קינדער־היימען האבען אויך א דעפיציט פון הונדערט טויזענד מארק א חודש.

די 2,500 אידישע קינדער, וואס ערציהען זיך אין די קינדער היימען זיינען די גליקליכסטע דערמיט וואס די קינדער־היימען זיינען פאר זיי אלעס: א שולע, א שוהל, און ערציהונגס אנשטאלט און א היים.

אין די קינדער־היימען באקומען די שילער עסען, טרינקען, קליידונג, שוכונג, ערציהונג, בילדונג און א בעטל צום שלאפען.

די קינדער־היימען פון דעם דיגענזאהקטיפ זיינען אבער נישט נאר א רעטונג פאר די קינדער גופא, נאר אויך פאר דעם גאנצען כלל ישראל, וואַרים צעבראכען און צעטראטען געווארען איז אונזער גייסטיג לעבען אזוי גוט ווי דאס מאטעריעלע. די אידישע קרוין איז אין שטויב צעמאהלען געווארען און די אידישע גאלדענע קייט איז אויף פיצלעך צעריסען און צע־פליקט געווארען. עס שאקעלט זיך דער פונדאמענט פון דעם אידישען בנין.

אט די 2,500 אידישע קינדער ווערען אזוי ערציגען אין נאציאנאלען גייסט, אז זיי זאלען בכח זיין צוריק גאנץ צו מאכען די צעבראכענע בנינים, צוריק צונויפצושמידען די קייט און צוריק אויפצובויען די איינגעפאלענע חורבנות.

זיי מוזען אויפוואקסען א נייער, א פרישער דור, און לאמיר האפען, אז ער וועט שוין נישט אריבערטראגען די אלע בושות, חרפות און גלות'־דיגע רדיפות, ווי מיר, דער פאר פארגעהענדיגער דור; לאמיר האפען אז ס'קומט דער דור פון בויען, פון באפ פייאונג און דער דאזיגער דור ערציהט זיך אין די קינדער־היימען.

פריהער פאר אלעס מוזען מיר פארזאָרגען אט די 14 קינדער־היימען, וואס עקזיסטירען שוין; זעהן אז די קינדערלאך זאלען נישט הונגערען, נישט פריהרען און נישט געהן באָרוויס, און דאן אנפאנגען א קייט פון קינ־דער־היימען איבער גאנץ פוילען, גאליציען, רוסלאנד און אוקראינע.

און זאגען דארף מען די היגע אידען:

שטיצט די צוויי טויזענד מיט פינף הונדערט תלמידים אין די פיער־צעהן קינדער היימען! העלפט דאטעווען דעם צוקונפטיגען אידישען דור! שטעלט זיך אין דער ריי פון דעם מיטגליעדער קאמפיין און העלפט דעם אידישען פאלק ערציהען א געזונדען און א שטארקען דור. וואס זאל זיין א כבוד פאר דעם אזוי פיעל אלטען און אזוי שטארק יונגען אידישען פאלק!

די מיליטערישע פארשווערונג אין בערלין

(ספעציעל פארן „וועג“)
פון ז. ק.

(איהר „קאמיש“ און וואס די עלייעס מעגען פון איהר לערנען).

אז די רעוואלוציאנערע איבערקעהרער־נייש אין בערלין איז פאר'משפט צו א שנעלען אונטערגאנג, אין אונבאשטריי־באר. לויט אלע סמנים, איז די „רעוואַ־לוציע“ אין בערלין, ארגאניזירט פון דער „פאטערלאנד פארטיי“ מיט דער הילף פון דער מיליטערישער אריסטאקראטיע, גליך ביי איהר געבורט געווען מעהר ניט ווי א היסטארישער „קיקיון דיונה“. און עס איז ניט וויכטיג, צו וואלפגאנג קאפ האט זיך שוין טאקע מיט אן אמת אונ־טערגעווארפען זיין אונפארמיידליכען גורל און האט קאפיטולירט צו דער עבערט־רעגירונג*), אדער ער מיט זיין מי־ליטערישער חברותא זעהען נאך אלץ ניט איין די אומגעלומפערטקייט פון זייער קאמישער לאגע.

מיר זאגען „זייער קאמישע לאגע“, ווייל וואס דען איז זי אויב ניט לעבער־ליך, ווען אין זייער מאניפעסט ערקלעה־רען זיי, דאס די אונמיטעלבארע אויג־גאבע פון זייער „קו דעטא“ איז דאס, וואס „די דייטשע נאציאנאלע פאר־לונג האט איהר פאלקס־מאנדאט פארלא־רען“? ווער וועט זייער „דעמאקראטיע“ גלויבען, ווען די גאנצע וועלט ווייס, דאס זיי גלויבען אליין ניט אין דעם. וואס זיי זאגען? עס איז דאך, פשוט, חובא וטלולא. ווען די פיהרער פון דער דייט־שער „פאטערלאנד פארטיי“ האבען די אונפארשעמטקייט צו דערמאנען דאס װארט דעמאקראטיע. נאר אין א פאלי־טישען צירק פון דעם ביליגסטען סארט קענען מעגליך אזעלכע פאיאצען, ווי דר. קאפ און גענ. באראן פאן לוטוויטש. אין־אפשר, איז דאס נאר איינפאכע משוגעת, מיט וועלכער, לויט די אלטע רוימער, נאט האט די דייטשע מאנארכיסטען באַ־שטראפט?

און עס זעהט אויס, אזוי ווי זיי, די מחברים פון דעם קאפ־מאניפעסט, וואל־טען מיט אן אויסדריקליכער כונה גע־וואלט אונטערשטרייכען זייער קאמיזם. האבען זיי דערמאנט באלשעוויזם. זיי זאגען עס דייטליך אין מאניפעסט, אז זיי מוזען באקעמפען די באלשעוויסטי־שע געפאהר. אויסגעשפראכענער איז וועגען דעם לוטוויטש, קאפ'ס פארטיידי־גונגס־מיניסטער. פאר א קארעספאנדענט פון דער ציימונג „פאליטיקען“ האט ער געזאגט פאלגענדעס:

„מיר האבען עס באטראכט אלס א דרינגליכע נויטווענדיגקייט אנצונעהמען אקציאן (מיטלען) פאר דער פארטיידיגונג פון אייראפא געגען דער סכנה פון מזרח. ענגלאנד טוט גאר ניט און קען גאר ניט טאן אפצוהאלטען דעם פארשריט פון באלשעוויזם. מיר מוזען האבען מעהר פון 100 טויזענד סאלדאטען, וועלכע מ'האט אונז ערלויבט, לויט'ן שלום אפמאך. ווי אזוי קענען מיר מיט אזא קליינער צאהל באקעמפען דעם באלשעוויזם?“

צו דענקען וועגען עולם, אלס גולם, איז די כאראקטעריסטיק פון יעדען מילי־טעריסט. אבער ווי דער דייטש זאגט: „יעדען איז ערלויבט צו זיין א נאר, ווען ער מיסברויכט נאר ניט דאס דאזיגע רעכט“, און עס איז גאר קיין ספק ניט, דאס די קאפ־באנדע האט אין פארלויף פון איהר קורצען ערשיינען אויף דעם פאליטישען האריזאנט שוין צופיעל מיס־ברויכט דאס רעכט פון זיך מאכען לעבער־ליך.

קען מען דען האבען אמונה אין זייער־רעדען וועגען באקעמפפען די סאוועטע רעגירונג, ווען די איינאיינציגע האפנונג פון דעם עקאנאמישען וואוילזיין פון דייטשלאנד איז די רייכע רוסלאנד? זיי אליין, ווי נאריש זיי זאלען זיך ניט וועלען מאכען, ווייסען דאך עס גאנץ גוט, די גאנצע וועלט ווייס עס, און וואלטען די עלייעס ניט געשטערט דייטשלאנד צו האנדלען מיט דער סאוועטען רעגירונג — די אורזאכען פון דיזען אונאפיציע־לען פארבאט, זענען דא ניט וויכטיג — וואלט דאך דייטשלאנד אינדוסטריעל און עקאנאמיש צוריקאויפגעלעבט. הייגט צו־ליעב וואס ענטפלעקען עפענטליך פרעכע אונזיניגקייט? געוויס, דא שפיעלט א גרוי־סע ראלע דער „פסיכאלאגישער מאמענט“. באלשעוויזם איז א מין סטראשידלע, באל־שעוויזם דיענט פאר פיעלע מאמעס אפ־צושרעקען זייערע קליינע קינדער. אבער די מאנארכיסטישע פארשווערער האבען דאך געמעגט פארשטעהן, דאס ערשטענס, אפילו, ווען זיי וואלטען געווען ערנסט אין קאמפף געגען דער באלשעוויסטישער סכנה, וואלט אויך זייער רוף צום קאמפף געגען דיעזער געפאהר געווען, ווי ווייט די עלייעס זענען פאראינטערעסירט, א קול קורא במדבר. צווייטענס, האבען זיי דאך געמעגט וויסען, אז די צייט איז שוין ניט ווייט, ווען די רוסישע סאוועט־טען רעגירונג וועט אריינגענומען ווערען אלס מיטגליעד פון „ציוויליזירטע לענ־דער“. דער „באלשעוויסטישער“ מאטיוו פון דער בערלינער איבערקעהרעניש איז דאך אזא „אלט־מאדישער“, אזא אומ־געלומפערטער!

בכלל מוז געזאגט ווערען, דאס די איי־בערקעהרעניש איז געקומען אביסעל צו שפעט, כדי זי זאל האבען אירגענד וועל־כע אויסזיכטען אויף אן ערפאלג. וואלט זי פארגעקומען מיט איינינע וואכען צו־ריק, ווען איבער'ן דייטשען פאלק איז געהאנגען די דאמאקל־שווערד פון נאציא־נאלער פארשקלאפונג — דאס איבערגע־בען פון דייטשע בירגער צום שונא'ס משפט, — וואלט נאך מעגליך געווען, אז א פארשווערונג געגען דער רעפובליק זאל זיין צייטווייליג ערפאלגרייך. עבערט'ס־רעגירונג האט טאקע דיעזע נע־פאהר אנגעוויזען די עלייעס. היינט צו־טאג אבער, ווען אונבאשטימטע קלאגען טראגען זיך ארום, דאס די עלייעס פאנ־גען אן צו ענדערען זייער נקמה'דיגע שטעלונג צום דייטשען פאלק, איז די אי־בערקעהרעניש א דאן־קיכאטישע.

ס'איז קיין ספק ניט, דאס אין איינינע טעג ארום וועט די קאפ־רעגירונג פאר־שווינדען אין דער פארגעסענהייט. די עלייעס אבער מעגען ציהען א לאגישען שלום פון דיעזער געשעהעניש, אין באַ־צוג צו דייטשלאנד, און דאס איז, אז דעם דייטשען פאלק איז דער מאנארכיס־טישער אידעאל פרעמד, און אז די רע־וואלוציע פון נאוועמבער, 1918, איז גע־ווען א ווירקליכע, ניט קיין פאבריציר־טע.

מיר דערמאנען עס, ווייל מיר קענען נאך אלץ ניט פארגעסען ווילסאנ'ס ענט־פער צום דייטשען פאלק. ווען פרינץ מאקס פון באדען האט זיין נאטע ווע־גען שלום ארויסגעשיקט. מיר קענען וויל־סאנ'ס ענטפער ניט פארגעסען, ווי די וועלט וועט קיינמאל ניט פארגעסען זיי־נע 14 פונקטען, און וועלכע די שלום קאנ־פערענץ מיט ווילסאנען אן דער שפיץ האבען עפענטליך פארגעסען. מיר קענען ווילסאנ'ס ענטפער ניט פארגעסען, ווי די געשיכטע וועט קיינמאל פארגעסען, אז דער ווערסאלער שלום־אפמאך האט פארברעכעריש געזינדיגט געגען ווילסאנס מאטא: „שלום אהן א נצחון, שלום אהן א באזיעגטען“.

און ווילסאנ'ס ענטפער צום דייטשען פאלק איז געווען פאלגענדער: ווארפט אראפ די מאנארכיע, פארניכטעט דעם פרייסישען מיליטאריזם, און איהר וועט קריגען א גערעכטען שלום. אויב אבער ניט, דאן וועט דער שלום זיין א שווערער, אן אונ'רחמנות'דיגער.

און דאס דייטשע פאלק האט דעם עקזאמען גלענצענד אויסגעהאלטען. די מאנארכיע איז פארשוואונדען אויף איי־ביג. דער מיליטאריזם פארנעמט אין דייטשען פאליטישען לעבען פון היינט־צו־טאג דעם קלענסטען ארט. אמת, דאס אלעס איז פארגעקומען, גלויבען מיר, ניט ווייל דער רבי ווילסאן האט עס אזוי גע־הייסען, נאר ווייל דער צוזאמענברוך פון דער האהענצאלערן־דינאסטיע איז גרא־רע פארגעקומען אין יענעם מאמענט. אבער דאס בינדט דאך אלץ מאראליש ווילסאנ'ען נאכצוקומען זיינע אויבענ־דערמאנטע באדינגונגען.

וועלען די עלייעס איצט, ווען דאס דייטשע פאלק האט זיי באוויזען, אז עס איז מעהר ניטא קיין געפאהר פון דעם פרייסישען מיליטאריזם, זיך צוריקקעהר־מאהנען די ציעלען פון דער מלחמה, ווי זיי האבען זיי טויזענט מיט איינמאל ער־קלעהרט?

די ציעלען זיינען געווען — אלענפאלס, אזוי האט מען דער וועלט דערצעהלט — צו פארענידגען מיט מלחמות, „צו מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיע“, צו פארניכטען דעם דייטשען מיליטאריסטי־שען אבסאלוטיזם.

דער צוזאמענברוך פון דער מיליטע־רישער פארשווערונג פון וואלפגאנג קאפ און באראן פאן לוטוויטש, איז דער בעסטער באווייז, אז דער דייטשער מילי־טאריסטישער אבסאלוטיזם איז פארניכ־טעט. וועלען איצט די עלייעס ניט שטע־רען די זיכערקייט פון דעמאקראטיע? וועלען זיי מאכען א סוף צו מלחמות?

לעקציעס

פון ר' ברוך'ל.

א סעריע לעקטשורס וואס יעדער איינער קען איבערלעקטשורען ביי זיך אין פאראיין.

דער טעלעפאן

מיר האבען שוין ברוך השם געהאלטען לעקציעס אויף די קורצע שפאלטען אין דעם אונטערשטען עטאזש פון דעם דאזי־גען פייפער. אבער היינטיגס מאל האבען מיר באשלאסען פעסט און זיכער: — מיר מוזען זיך אליין איבערטרעפען.

און כך הוה.

פון וואס זשע זאלען מיר רעדען אין היינטיגער לעקציע?

האבען מיר אויף דער דאזיגער פרא־גע זיך פאטראכט, און האבען ווידער בא־שלאסען אז אויב שוין האלטען א לעקציע מוז זי זיין וועגען — — —

שאט נאר, וואס איז עפעס פאר א גע־לויף אין דרויסען?

אן אויטאמאביל האט אימיצען איבער־געפאהרען... באה! ... וועלען מיר שוין אפשר א רייד טאן מכח אויטאמאבילס און — — —

שאט נאר, וואס קלינגט עס דארטען אזוי?

דאס קלינגט דער נייםאדנער טעלע־פאן אין אפיס?... און ווער הויבט אן קלינגען, קענט איהר אהם נישט איינ־האלטען מיט צוויי פאאר אקסען, סיידען ס'דא דאס טעלעפאן־מיידעל, וועלכע ווייסט שוין אלע זיינע מישוגענע שטיק?... נאה! וועלען מיר אפשר א רייד טאן מכח אויטאמאבילס און טעלעפאנען.

אזוי בלייבט עס, נאספאדרא.

דאס לעצטע, דער טעלעפאן, האט אפילו אין זיך די מעלה וואס ער לאזט זיך נישט פיהלען... איז ער אבער יצפה'דיג ווי א בן יחיד; עזות'דיג ווי א לענדלארד; קאפריזנע ווי א פרוי, וועמען איהר האט שוין געמאכט קאמ־פלימענטען פאר איהר שעהנקייט, ביז ווי אן אלטע שווינער און צודרינגליך ווי א בוך אגענט.

א טעלעפאן באזיצט נאך די מעלות וואס ער איז גראב און ניט העפליך אין פאדערענדיג ווי א ווייב. ווען איהר האט א טעלעפאן אין הויז זאגט איהר און איהר האט נאך ניט קיין געווראלדעשיע, איז עס א סימן אז איהר האט שטריק נישט זיין נערוועז.

די וואס נעמען א טעלעפאן אין הויז זיין, דארפען זיך אפגעוועגענען פון טראכטען, דענקען, און פון עהרליכע בטלן'ישע שטיק, וואס זענען שוין לאנג אויס מאדע געווארען אין דעם יאהר הונ־דערט פון טעלעפאנס און אויטאמאבילס.

פיהרען, פיהרט־זיך־אויף מיט אייך דער טעלעפאן ווי א אינטריגאנט און א צו'להכעיס'ניק. טאמער זאגט איהר איהם א סוד, מאכט ער זיך טויב און איהר זענט נעצוואונגען צו איהם צו רעדען אין אזא הויכען טאן, אז איהר זענט נישט באוואוי־רענט אויב די נעקסטע דארינג הערט נישט יעדער ווארט.

שטעהט איהר נאר אויף, הערט איהר ווי דער טעלעפאן קלינגט און ווערט שיער נישט צוריסען. לויפט איהר צו צו איהם נישט טויט, נישט לעבעדיג: — „העללאו, העללאו“ — ערשט א וויינענדיגע שטימע פרעגט אייך. — „איז דאס די סעמעטע־רי? ווערט איהר אין כעס און נים א העגנ אויף דעם רעסיווער און לויפט אוועק אהן א זיי געזונד.

עס געדויערט ניט א מינוט, פונקט דעמאלט ווען איהר האט זיך ערשט איינ־געזויפט דאס פנים אין די מילינקעס עסען אייך די אויגען. הא, הא עס קלינגט שוין ווידער מיט חוצפה און עקשנות. לויפט איהר שוין ווידער צו מיט פאר־מאכטע אויגען: „העללאו, העללאו“. דער־הערט איהר באלד א מענער שטימע, וואס בייזערט זיך: — „סעי, וואס הערט זיך מיט די מאזלען?“

— וואסערע מאזלען? — ווערט איהר אין כעס.

— מיט די גאלדענע מאזלען, אי־דיאט! — ענטפערט שוין יענער מיט רוגזה.

טוט איהר ווידער א האק מיט'ן רע־סיווער און לויפט זיך דערוואשען.

איהר אוספעיעט זיך ניט אפצוווא־שען, קלינגט שוין ווידער דער מחבל. דאס מאל בעט מען אייך ארייגרופען די שכנה פון גענעגאיבער. שפעטער אביסעל פרעגט אייך אימיצער ווען ס'איז דער מולד. א דריטער פרעגט אייך א שאלה פון בשר וחלב. א פיערטער רעדט צו'ן אייך גלאט עפעס א מאדנע שפראך וואס איהר קענט נישט דערקלעהרען צי דאס איז פראנצויזיש, איטאליעניש אדער גאר האטענטאטיש.

ווערט דאך אייך מיאוס דאס לעבען צו האלטען און איין ענטפערען דעם בא־קאנטען ענטפער פון — „יו העוו די ראנג נאמבער“. לעגט איהר זיך אוועק אויף דער סאפקע און באשליסט אז ווען ער זאל אפילו צעזעצט און צעטראסקעט ווערען קלינגענדיג, וועט איהר זיך נישט יהרען פון ארט. צ'אלרייט, „זי“ מעג זיך אויך אמאל מטריח זיין און ענטפע־רען דעם טעלעפאן.

די „זי“ מיינט איהר, געוועהנטליך, אייער אידענע, נישט מיינע — ב'קאן מיין אידענע קען דאך נאר דעמאלט זיין ביים בוטשער און ניט הערען ווי אייער טעלעפאן קלינגט.

אייער אידענע, ווידער, זעהענדיג אז איהר האט זיך שוין איינגעשפארט, געהט זי דוקא צו דעם טעלעפאן און פונקט דע־מאלט — — —

יא פונקט דעמאלט רעדט אייער „אפיניטי“, און זי וויל נישט אנדערש נאר ווייסען צי וועט איהר קומען היינט צום ראנדעוואו; און ווי איהר פיהלט זיך נאך דעם נעכטיגען טאנצען מיט איהר אויף'ן באל פון דער יאנג מען לוידים סאסייעטי.

אויף דעם פאנאגראף האבען פיעלע מענשען „נעגראמאבעלט“, זיך באקלאגט און געווען מיט איהם אומצופרידען.

אבער אויף איידער איהר ווילט הערען דעם פאנאגראף מוזט איהר איהם כאטש אנ־דרעהען; אז איהר ווילט קענט איהר אויף איהם הערען א זיס קול־בעל פון א פרימאדאנא, אדער א ליעד פון א ניגער, אז איהר ווילט הערט איהר אפערא, אדער א שטיקעל חזנות. וואס איהר ווילט, דאס קלויבט איהר זיך אויס.

דער טעלעפאן אבער צווינגט אייך צו הערען א שטימע פון א ריקבעט, פונקט דעמאלט ווען עס גרילצעט אייך אין די אויערען די קולות פון אייערען א בעל חוב. און פונקט דעמאלט ווען אייך האבען זיך איינגענעסען אין די נגרות

די זיסע ריידעלעך פון אייער שווינער, מוזט איהר דורך'ן טעלעפאן הערען פונקט אזא שטימע, וואס איהר וואלט געקענט שווערען אז דאס רעדט ווייטער די שווי־גער און נישט דער טעלעפאן.

ווען איהר האט נישט קיין טעלעפאן, קענט איהר זיך אויסהיטען פון א ווייטען פריינד, וועמען איהר דארפט אפטראגען א גמילת חסד; איהר קענט זיך אויך אויסבאהאלטען פון א פריינד, וואס דארף ביי אייך לייהען א גמילת חסד... האט איהר אבער א טעלעפאן, קענט איהר זיך פון זיי נישט אויסהיטען.

אדרבה אונזער עצה איז, פארטיגט אפ אייערע בעלי חובות וואס פריהער וואס זשע, אז זיי וועלען אייך שוין אויפ וועקען פון'ם שלאף דורך'ן טעלעפאן אי מיטען דער נאכט, עט אייך שוין זיין ב[illegible] [illegible]ער?

די גליקליכסטע מענשען אין דע[illegible] וועלט זענען אייערע שכנים וועלכע האבע[illegible] נישט קיין טעלעפאן אין הויז, און האבע[illegible] דאך אלע פריווילעגיעס פון'ם טעלעפאן ווען ז י י דארפען אימיצען, און וו[illegible] אימיצער אנדערש דארף זיי, זענט איר [illegible] נישט קיין פויל זיי אריינצורופען צום טעל[illegible] פאן.

נישקשה, ס'מעג אייך אנשטעה[illegible] מענשען וואס האבען טעלעפאנען אין הוי[illegible] זענען אסור לרחם.

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

א בוך וועגען דעם אידישען לעגיאן

דער גוט באקאנטער קאמאנדיר פון דעם אידישען לעגיאן אין פאלעסטינא און דער מחבר פון'ם בוך „מיט די ציו־ניסטען אין גאליפאלי“ האלט איצט אין שרייבען א ניי בוך „מיט די אודיענס אין פאלעסטינא“.

באפרייאונגס יו"ט

פון ירושלים איז מען מודיע, אז דארט איז די טעג געפייערט געווארען דער צווייטער יאהר־צייט פון דער בא־פרייאונג פון דער שטאדט פון'ם טערקי־שען יאך. אין דער פייערונג האט זיך באטייליגט די גאנצע לאקאלע באפעלקע־רונג. אין די סינאגאגען און קירכען זע־נען אפגעהאלטען געווארען ספעציעלע תפילות און אין ערם פאראד פון'ם חיל האבען זיך באטייליגט פיעלע אנגעזעהע־נע לייט און צווישען זיי דר. ווייצמאן און ה. אוסישקין.

די פאגראמען אין רוסלאנד

די רוסישע ציימונג אין דער פראנ־צויזישער שפראך „פור לא רוסי“ האט פארעפענטליכט א רוף צו די פארבונדע־טע אפצושטעלען די פאגראמען אין רוס־לאנד. דער ארגאן האט ציטירט א גאנצע רייהע ארטיקלען פון דער רוסי־שער פרעסע און אנדערע פאקטישע בא־ווייזען, וועגען די שודערליכע עקסצע־סען געגען אידען. אין סיביר — זאגט די ציימונג — האט זיך נעגרינדעט א ספעציעלער באטאליאן פון „פאגראמיס־טען“, וואס האט זיך געשטעלט די אויפ־גאבע מאסען־ווייז אויסצוקוילענען די אידען. דאס, וואס רומעניע האט פאר־באטען די אידען איבערצוטרעטען איהר גרעניץ, ווי אויך די פעסטע בלאקאדע פארערגערט נאך די שרעקליכע לאגע אין רוסלאנד. די ציימונג מאכט אויך אויפ־מערקזאם אויף דער שעדליכער אנטיסע־מיטישער פראפאגאנדע, וואס ווערט אנ־געפיהרט דורך מ. וו. שולגין'ען, וועלכער פארנעמט א זעהר חשוב'ען פלאץ אין דעניקינ'ס ספעציעלען ראט, ווי אויך אויף דער טעטיגקייט פון בארים סובא־רין און ראסטאוו, וועלכער באנוצט זיך מיט'ן געלט פון דער פרייוויליגער א[illegible] מעע, כדי צו פיהרען א שטארקע איד[illegible] העצערישע פראפאגאנדע.

דער ציוניסטישער קאנגרעס

די פראגע צו פאררופען ווי אם שנע[illegible] סטען א ציוניסטישען קאנגרעס, האט ב[illegible] שעפטיגט פיעלע ציוניסטישע כלל־טו[illegible] די לעצטע עטליכע מאנאטען. אויך זשאבאטינסקי אין ירושלים'ער „האר[illegible] באהאנדעלט די פראגע און זאגט צוויש[illegible] אנדערעס:

דר. מאקס נארדוי איז דורכאויס [illegible] רעכט אין זיין מיינונג, אז מ'מוז תכ[illegible] פאררופען א קאנגרעס.

ס'פארשטעהט זיך, אז די טעמ[illegible] וועלכע האבען גורל געווען אפצולע[illegible] דעם קאנגרעס זענען זעהר וויכטיגע [illegible] די לאגע אין רוסלאנד און די שווער[illegible] קייט צו באקומען אן ערלויבניש זענ[illegible] צווישען די וויכטיגסטע. פון דעסט[illegible] גען האבען מיר נים גערהאפט זיך רעכ[illegible] נען מיט די באזונדערע באדינגונגען [illegible] זיך משתדל זיין צונויפצורופען א קא[illegible] גרעס.

לבן הארמי א חזן

בעריל — פון וואנען איז נעדרונג[illegible] אז לבן הארמי איז געווען א חזן?

שמעריל — ווייל יעקב אבינו הא[illegible] גערינגט ביי איהם זיבען יאהר פאר בת'באס).

—::—::—

דינים און משפטים

אויב איהר האט עפעס צו פרעגען [illegible] פראגע ביי א לאיער וועגען געזעץ, ר[illegible] עסטייט א. ד. ג. קענט איהר דאס ט[illegible] דורך דעם „וועג“.

יעדע פראגע וועט באאנטווארט ו[illegible] רען פון די באקאנטע אדוואקאטען י. לימאן און מ. ל. ליסט און וועט געדרו[illegible] ווערען אין ציימונג.

שרייבט אייערע פראגען אויף איין ז[illegible] פאפיר און חתמ'עט זיך. אויב איהר וו[illegible] נישט האבען געדרוקט אייער נאמ[illegible] שרייבט דערביי צו אז איהר ווילט [illegible] אייער נאמען נישט דערמאנען.

—::—

דעטראיטער ארעסטירטע ראדיקאלען און דער יוסטיץ דעפארטמענט

(ספעציעל פאר'ן „וועג") פון י. ראבינאוויטש

די פאטערס פון דער אמעריקאנער רעפובליק האבען, וויזט אויס, זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, אז ס'וועט קו־מען א מאל א צייט, ווען די אמע־ריקאנער אינסטיטוציעס וועלען זיך דאר־פען צופאסען צו אן אומשטאנד מיט'ן נאמען „פאלמעריזם" און האבען אלעס איינגעארדענט אזוי, אז קיין זאך איז דא

דער דעפארטמענט און דזשאסטיס האט מיט איינינע וואכען צוריק ארויסגעגע־בען, אז מען זאל פארלויפיג אפשטע־לען די דעפארטירונגען. צווייטענס — דער דעפארטמענט און דזשאסטיס האט ניט פארטיג קיין מא־שינעריע פאר אזא ריזיגע צאהל

מערשאפט, אז אלע פאליטישע ארעס־טירטע זאלען זאפארט באפרייעט ווערען; איינצעלנע איינפלוסרייכע פערזאנען פראטעסטירען געגען דעפארטירונגען; סתם ארגאניזאציעס נעהמען אן רעזאלו־ציעס מ'זאל זאפארט, ענטוועדער דע־פארטירען, אדער באפרייען אלע פאר־

די אומצופרידענהייט פונ'ם ברייטען עולם מיט פאלמער'ס פאליטיק און די מעכטיגע פראטעסטען פון דער אמעריקא־נער ארבייטערשאפט, האבען געהאט א סך צו זאגען אין דער פארפאסונג פון דעם דאזיגען באפעהל. אויסער דעם האט זיך די באציהונג צו סאוועט־רוסלאנד

וואס עס האט געבראכט די פעדע־ראלע אויטאריטעטען אין וואשינגטאן ארויסצוגעבען א באפעהל, אז מען זאל דערווייליג אפהאלטען מיט ווייטערע דע־פארטירונגען — דאס איז פארלויפיג א סוד. מען קען זיך אבער מישב זיין, אז

און ס'איז שוין אן אלטער כלל, אז אזוי שנעל ווי מען הערט אויף צו הערצען, הערט דער עולם זיך אויף צו שרעקען; און אז מען הערט זיך אויף צו שרעקען, ועהט מען גלייך איין, אז קיין טייוועל

ריטעטען רעכען צו טאן מיט די איבער פיער הונדערט דעטראיטער ארעסטירטע אין פארט וועין, ווייל דער עולם ווערט אומגעדולדיג און די אומגערעכטיגקייט ווארפט זיך צופיעל אין די אויגען, אז מען זאל עס ניט באמערקען.

וואס די אידען אין איראפא ערווארטען פון אמערי־קאנעם אידישען קאנגרעס

(ספעציעל פאר'ן „וועג")
פון ב. ג. ריטשארדס

סעקרעטאר פון דער אידישער קאנגרעס דעלעגאציע צום שלום קאנפערענץ

די פארטרעטער פון אלע ... ירטען אי־דענטום אין מזרח איראפא ביט וועמען מיר האבען זיך געטראפען אין פאריז, האבען אפט און גרויסמוטיג אויס־געדריקט זייער אנערקענונג פאר דער גרויסער שטיצע וואס זיי האבען באקו־מען פונ'ם אמעריקאנער אידענטום אין זייער קאמף פאר אידישע רעכטע.

רע מרייע אידישע הערצער און זייערע קלוגע מוחות, אז אלע גרופען, און אלע פארטייען, אלע אידישע קרעפטען, יעדע איינע פון די אידישע קליינע און גרוי־סע ארגאניזאציעס זאלען זיך באוועגען

אין שטעהן צוזאמען ביז די גרויסע אויס־גוס ווי אין די גלות לענדער. פון גרעס־טער וויכטיגקייט און באדייטונג איז פאר זיי געווען דער פאקט, אז ניט נאר גענצעהלטע אידען, ניט בלויז א געוויסע צאהל אידישע ארגאניזאציעס, נאר די גרויסע אידישע מאסען, און די גרעסטע צאהל אידישע ארגאניזאציעס האבען גע־האלפען שאפען די מעגליכקייטען פאר'ן קאנגרעס, און האבען זיך באטייליגט און די אויסארבייטונג פון פלענער צו לייזען די אידישע פראבלעמען וועלכע די מלחמה האט ארויסגערופען און צו זיכערען די צוקונפט פון גאנצען כלל ישראל. לעזענ־דיג און הערענדיג וועגען דער ארגאני־זירונג פון דעם אידישען קאנגרעס, הא־בען זיי זיך אמת געפרעהט. וואס די רמען פון ארגאניזירונג און די אויס־ארבייטונג פון די פלענער זיינען אריבער־געוואקסען די אלטע מסגרת פון צדקה

כע זאלען זיי העלפען באזייטיגען די קרי־טישע לאגע אין וועלכער זיי געפינען זיך איצט. זייערע ערווארטונגען און האפ־נונגען, זייער וואונש און געבעט איז, אז אלע אידען פון אמעריקא, די גרויסע מאסען איבערגעגעבענע אידישע זיהן און טעכטער פונ'ם אידישען פאלק, מיט זייע פער מיט נייגיערדע און אנגסט.

מאהן, זאלען ענטפערען יענע וועלכע זיי־נען געשטאנען ביי דער באוועגונג פון דער ערשטער מינוט. איך ווייס נאר אז די אונגליקליכע און ליידענדע אידען פון מזרח איראפא קוקען ארויס אויף'ן ענט

ווערט דערשאסען פון זיין יונגע ווייבעל אוואך נאך דער חתונה

ווילארד רייס, 25 יאהר אלט, א גע־וועזענער סארדזשענט אין דער ארמיי, איז מאנטאג ביינאכט געפונען געווארען אין זיין אפארטמענט מיט א 45 קאליבער בילעט אין קאפ. זיין יונג ווייבעל, מיט וועלכער ער איז געווען ערשט פארהייראט

די פרוי איז גלייך ארעסטירט געווא־רען. זי איז שוין איין מאל געווען פאר־הייראט צו א סאלדאט, וועלכער איז גע־הרגעט געווארען אין דער מלחמה. איהר יונגער זוהן פונם ערשטען מאן, הארע־וועט זיך ביי איהרע עלטערן אין סעמי־

אויפרוף צו אלע בערעזניצער לאנדסלייט

אנשים ונשים וטף

דאס הייסט מענער און פרויען, אלטע יונגע באיעס און גוירלס! פערפעהלט נישט צו קומען צו א פעקעדזש פארטהי וועלכע עס וועט שטאטפינדען זונטאג דעם 21־טען מערץ אום 7 אוהר אווענד אין תפארת ישראל שוהל ווילקענס סט. (ביטווין הייסטינגס און ענטווין).

ברודער און שוועסטער, זייט וויסען, אז קיין איין זאך טוט זיך נישט אהן חשנתה פיליכט זענט איהר געשיקט געווארען אין דיזען לאנד צו רעטען פון הונגער טויט אונזערע ארעמע ברידער, שוועסטער און קינדער און אלמנות און יתומים וועלכע געפינען זיך אין אונזער שטעטעל ברעזניץ

רחמנים בני רחמנים

דערוועגט דעם רחמנות אין אייערע הערצער און קומט צום פערזאמלונג, ה. ת. צום פעקעדזש פארטהי

די בערעזניצער קאמיטע.

בעקאנטמאכונג צו די דעטראיטער אידען

מאנישעוויטש'ס מצה גיט א פראצענט פאר'ן בית יתומים

צו די פרויען פון דעטראיט

פרויען! איהר האט געהאלפען בויען א בית יתומים,

איצט איז אייער פלכט צו בויען א דעי נורסערי.

קומט נעקסטען מאנטאג אווענד אין עטינגערס האל צום

מיטינג פון דער דעי נורסערי.

ער איז ניט קיין שכור נאר אן איננאר...

„ביסטו געוועז שכור"? האט דזשאדוש סטיין געפרעגט טשארלס פעטראווסקי. וועלכער איז געפונען געווארען א שיכור־ער אויף דזשעפערסאן עוו.

„ניין, איך בין אן אוננאר" — האט

דזשואיש פארום" געפינט זיך אן איבער־זעצונג פון רבנו בחיי'ס חובות הלבבות", איינער פון די גרעסטע ווערק אין דער העברעאישען ליטעראטור, געמאכט פון דיזעם נייערוועהלטען רעדאקטאר.

רבי דר. בערנארד רעוועל, דער ראש ישיבה רב יצחק אלחנן. דר. דוד י. מאכט

קונפט.

מן האפט, אז דיזע פיהרער אין ארטהא־דאקסישען יודענטהום וועלען אנהייבען א נייע עפאכע אין דער ערקלערונג פונ'ם יו־דענטהום צום ענגליש שפרעכענדעם פוב־ליקום.

אמעריקאנער הילפס־ארבייט פאר די אוקראינער אידען

הערר ס. כאן דער פארשטעהער פון די „דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע" אין דער פעדעראציע פון די אמעריקא־נער, אוקראינער אידען אין אמעריקא איז נאר וואס אנגעקומען קיין לאנדאן אויפ'ן וועג נאך קאנסטאנטינאפאל. דער צוועק פון זיין רייזע איז צו ארגאניזירען הילפס ארבייט לטובה די אידען אין אוקראינע, און ארגאניזירען אין קאנסטאנטינאפאל

אין שפייזען אין ארץ ישראל. אזוי גרויס צוליעב דעם, וואס די ארטיגע פויערים בעפעלקערונג, אזוי ווי עס איז אויך דער פאל אין פיעלע לענדער אין איראפא, ווי־לען נישט פערקויפען די שפייז פאר דעם דעם ארטיגען געלד, וואס איז שטארק גע־פאלען אין ווערטה. די דזשאינט דיסטרי־ביושאן קאמיטע האט אריבער געשיקט איהר לעצטע שטיצע פאר פאלעסטינא אויף פסח אין עגיפטישע פונטען (6 טוי־זענד פונט — ארום דרייסיג טויזענד דא־לאר). און דאס וועט לעזען דעם גרעסטען טייל פון דער פראגע וועגען שפייז־מאנגעל.

די מאנאטליכע שטיצע פאר אלגעמיי־נער הילף, ווי אויך פאר יתומים, קיכען און אנדערע ספעציעלע בעדערפנישען וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע שיקט קיין פאלעסטינא איז הויפטזעכליך

„דזשואיש פארום"

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע און לאנג קאסט ביליגער ווי גע וועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלערס

קעדילאק 2061

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

די עולה פון דייר ערציהונג פארנאכלעסיגונג פון די פרויען

פון ב. י. ג—ן

איינ ביי זיי, ביי אונזערע ניט אידישע בירגער באדויערט מען אצינד דעם מנהג צו געבען די מיידלאך א קנאפערע בילדונג איידער די אינגלאך. ווי דארפען מיר, אידען שוין באדויערן דעם איינפיהר!

די „מאנטשעסטער גארדיען" שרייבט אין איהרען א לייט ארטיקעל אז די פארנאכלעסיגונג צו בילדען די מיידלעך, וואס איז קענטיג ביי א סך ענגלענדער, וועט בלייבען אן אייביגער פלעק אויף דעם איצטיגען און די פריהערדיגע דורות.

די פרויען אין א סך ענגלישע פאמיליעס זיינען ניט געווען צום לעבענס-קאמף. זיי האבען ניט געלערנט קיין פאראנטווארטליכע ארבייט און זיך ניט געלערנט קיין שום פראפעסיע.

ווי ביי זיי, ביי די ענגלענדער, אזוי אויך ביי אידען און אזוי אויך ביי אנדערע נאציעס אין איירופא געוועהנט מען איין די פרויען פון זייער מיידעלשאפט אן צו זיין ליאלקעס. מען האט אלע מאל דערויף אויפמערקזאם געמאכט און באוויזען וואס פאר אן עולה מען באגעהט. דערמיט קעגען דער געזעלשאפט.

איצט, ווען מען נויטיגט זיך אן יעדער ארבייטס קראפט, און איטליכער וואס קען זיך אויף אזא אדער אנדער אופן נוצליך מאכען ביי די געזעלשאפטליכע ארבייטען און פאבריקאציעס — ערשט איצט, שרייבט די דערמאהנטע לאנדאנער צייטונג, אז עס וועט פארצייכענט ווערען אין דער געשיכטע אלס א פלעק להורות, אז מיר און די פריהערדיגע גענעראציעס האבען פארשוועכט מענשליכע קרעפטען און א סך הילף איז אוועק אין גיהנום דורכדעם וואס מיר האבען פארנאכלעסיגט די ערציהונג פון אונזערע טעכטער.

מיר האבען זיך קיינמאל ניט גערעכענט מיט דער געזעלשאפט, מיט דעם כלל און נאך ווייניגער מיט דעם שטאאט.

מיר האבען גאר פארגעסען אפגים די אקסיאמא, אז א בירגער, וואס האט ניט קיין שום פראפעסיע, אדער מלאכה אין האנד, האט פאר'ן שטאט א סך א קלענערע ווערט, איידער יענער בירגער וואס האט יא א מלאכה אין האנד און וואס האט יא ערלערנט א פראפעסיאן.

דער געבילדעטער און געלערטער בירגער האט מעהר חשיבות פאר דער געזעלשאפט און פאר'ן שטאאט, איידער דער אומגעבילדעטער און דער אומגעלערטער.

דער שטאאט דינגט יעדען אינדיווידועלען בירגער.

יעדער אינדיווידועלער בירגער דארף דערום זעהן זיך נוצליך מאכען פאר דעם שטאאט; איהם דיענען אויף אן אופן וואס זאל זיין פון וואס גרעסערע חשיבות.

פון דעם כלל קען מען קיין אויסנאהמען נישט מאכען.

מען קען ניט באשטימען, אז דער מאן איז מחויב זיך נוצליך צו מאכען און צו דיענען דעם שטאאט און די פרוי איז פון דעם פטור.

ווען מיר האבען ביז איצט פארנאכלעסיגט די ערציהונג פון אונזערע טעכטער און זיי ערציגען אזוי, אז מעהר ווי צו דער קיך און מעהר ווי צו אינזינען האבען איהרע אייגענע עגאאיסטישע צילען, האט זי זיך ניט אויסגעסיגט צו קיין אנדערע אינטערנעהמונגען, איז דאס דער בעסטער באווייז, אז מיר שטעהען אין אלגעמיין, ערשט ביי דער שוועל פון ציוויליזאציאן.

עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען, ביז אצינד אויסצושרייען צו די ענגלישע יחסנים און לארדען אז זיי שטעמפלען זיך אלס פאררעטער צום לאנד דערמיט וואס זיי געוועהנען צו זייערע טעכטער נאר צו א פארשווענדערישען לעבען, צו א לעבען פון לוקסוס, ארומגערינגעלט מיט דיענסטען און משרתים, מיט קען און הינט און מיט כל ערליי טייערע ציהרונגען.

עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען ביז איצט צו שטעמפלען די מיידלעך, די מה יעשה'ניצעס, וואס טויגען ניט צו קיין מלאכה און צו קיין פראפעסיע, אלס אומזיסטע פרעסער, וואס ליגען אויף דעם קארק פון דער מדינה און פון די ארבייטער.

„אומזיסטע פרעסער!" — ווער האט עס דען געוואגט ביז ניט לאנג צוריק אזוי צו רופען די טעכטער פון אונזערע עשירים, פון אונזערע מיוחסים, פון די סירס און לארדען?

אמת טאקע מען האט זיי ניט געלערנט. און דערפאר זיינען זיי ווי פאראזיטען פאר דער געזעלשאפט, פאר דעם שטאאט.

מען האט זיי ערציגען צו געפעלען ווערען, צו פראווען הוליאנקעס, טענץ־אווענדען ובדומה אזעלכע פארוויילונגען.

דאס איז טאקע אמת.

אבער זיי זיינען אצינד עלטער געווארען. דאס לעבען קענען זיי אצינד אין אייגענער האנד נעהמען. און אויב זיי ווילען אויך אצינד פיהרען אזא מין לעבען ווי מיט עטליכע יאהר צוריק, דאן בלייבט דאס איבער צו דעם שטאאט צו האנדלען מיט זיי, ווי מיט די אנדערע לידיג געהער, די פאראזיטען, וואס ווילען לעבען פון אימיצענס פראצע און הארעוואניע און אליין ארומשלייען זיך פוסט און פאס.

גוט רעקאמענדירט

ריכטער: (צו אן עדות) איהר קענט דיעזען אנגעקלאגטען אלס איין ערענטליכען מאן, זאגט איהר?

עדות. — שוה. ער איז ערענטליך, שוין זעקס מאל אז ער איז געווען אנגעקלאגט פאר גנבה און איז יעדען מאל ארויס פריי!

איך אויסצאהלען

אין א רעדאקציע פון א צייטונג איז אנגעקומען פאלגענדעס בריוועלע פון א לעזער:

ווערטהע רעדאקציאן!

„אזוי ווי איך האב געלעזען אז איהר גיט א בוך אלס פרייז פאר יעדען גוטען וויץ, בעט איך אייך מיר ארייננצושיקען א סעט ביכער און איך וועל אייך מיט דאנק אפשיקען יעדע וואך א וויץ. היערמיט נעפינט איהר דעם ערשטען וויץ אלס רעפאזיט..."

ער האט דערקענט

ערשטער בעזוכער: — (אין רעסטאראנט) העלאו, וואס מאכט איהר עפעס?

צווייטער בעזוכער: — איהר קענט מיך? ווען און וואו האט איהר מיך דען געזעהן?

ערשטער בעזוכער: — פאראיאהרען, טאקע דא אין רעסטאראנט.

צווייטער בעזוכער: — נו, און איהר האט מיר איצט דערקענט?

ערשטער בעזוכער: — ניין, ניט אייך, אר אייער רעגענשירם.

צווייטער בעזוכער: — אבער איך האב דאך דעמאלט גאר ניט געהאט קיין רעגענשירם.

ערשטער בעזוכער: — אבער איך האב איהם דאן יא געהאט.

א נייע קאכמיטעל

פריי (ווייב פון א בעמיסט) — די הוהן קאכט זיך שוין אזוי לאנג און קען ניט ווייך ווערען. האסטו אפשר עפעס א כעמישען שטאף איהר ווייך צו מאכען?

אינטעליגענטען

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

— מישא, קענסט נאך זיצען אביסעל!

— האט בלאך איהם א זאג געגעבען און אליין איז ער ארויסגעגאנגען אין צווייטען צימער.

— אויב איהר האט ניט דאגעגען! — האט ער געענטפערט און האט א קוק געטאן פריהער אויף בלאך'ן און דערנאך צו מלכה'לען.

די ציפרידענהייט האט ער געלעזען אויף ביידעס געזיכטער און ווען בלאך איז ארויס, איז ער געבליבען זיצען מיט מלכה'לען אליין. זיי האבען ביידע געשוויגען און האבען זיך צוגעהערט צו דאס קלאפען פון זייערע הערצער. ביסלעכווייז האבען זיי צווישען זי אנגעהויבען פיהרען א געשפרעך.

ער האט לאנג גערעדט וועגען מוזיק, ווי ליעב איהם איז די פידעל און ווי אפט, ווען ער פיהלט זיך איינזאם, עלענד, געפינט ער אין זיין פידעל א טרייסט.

— די פידעל רעדט אפט צו מיר און איך בין ניט עלענד. עס טראגט מיך אוועק אין אזעלכע שעהנע וועלטען! — זאגט ער איהר דערציהלט.

מלכה'לע איז געזעסען און האט זיך איינגעהערט צו זיינע רייד.

— ווי גליקליך די ביסט! — האט זי געענטפערט — איך פיהל ערשט יעצט, ווי ניט ריכטיג איך שפיעל. עס זעהט אויס, אז איך בין געבארען אהן טאלאנט.

— האט זי [...]אדייערט.

— דערפאר אבער ביזטו שעהן! — האט ער איהר שטיל א זאג געגעבען.

— איך בעט דיך, מאך מיר ניט קיין קאמפלימענטען — האט זי שמייכלענדיג איהם געענטפערט — איך פלעג דאס אלע מאל הערען, ווען איך בין געווען קלענער. — היינט האב איך דאס ניט ליעב!

— האב איך דיך דען באליידיגט? — האט ער קינדיש איבערגעפרעגט און האט ארייגענומען איהר האנד צווישען זיינע הענדט.

זי האט געקוקט אויף איהם זעהר נאר זיך און האט גאר ניט געענטפערט.

— איך פלעג דיך אפט באמערקען, ווען איך פלעג דורכגעהן לעבען אייער הויז! — האט ער איהר א זאג געגעבען, דו איך האב זיך געשעהמט פאר דיר, אמער וועסטו מיט מיר זיך ניט וועלען אקענען!

זי האט זיך דערפיהלט אביסעל [...]

— און דאס ערשטע מאל בין איך אנטלאפען, ווען דו האסט זיך אפגעשטעלט קוקען אויף מיר! — האט זי א שמייכלענדיגע איהם דערמאנט.

— איך בין דאן געווען אזוי בייז אויף דיר! — האט ער שטיל איהר פערטרויט — איך שטעה און וויל דיך באטראכטען און דו אנטלויפסט גאר!

זי האט זיך צעלאכט.

— איצט וועסטו אויך אנטלויפען פון מיר? — האט ער זי א פרעג געטאן.

— וועסט קומען צו אונז?

— יא, זיכער!

— זאלסט קומען מיט דיין פידעל!

בלאך איז געזעסען אין צווייטען צימער. ער האט געהערט זייער געשפרעך און איז געווען אזוי גערירט פון זייער קינדערישער פריינדשאפט.

מישא האט זיך אויפגעהויבען אוועק צו געהן.

— דער פאפא שלאפט שוין? — האט ער א פרעג געגעבען, און האט זיך גענומען פערפאקעווען דאס פידעלע.

בלאך איז ארייגעקומען, האט אויף זיי ביידען געקוקט אזוי צארט. זיינע אויגען האבען געלויכטען און ער האט געפיהלט ווי אריינצופאלען אויף זייערע העלזער און זיי קושען אהן אויפהער.

— דאס זענען ניט יענע צעבראכענע רוסישע אינטעליגענטען, וואס זענען אין דער היים ענטוישט געווארען, אפגעריסען, געווארען פון דער ערד, פארקראכען אין די וואלקענס און צוריק אראפגעפאלען, וואס בלאנדזשען זייער גאנצען לעבען, ווי אין תוהו ובוהו און ווייסען ניט, וואס זיי פעהלט. — האט ער געטראכט — דאס איז שוין דער נייער דור, גע[...]

מאכט ניט קיין ראסען אונטערשיעד

מיר ווילען דא אפעלירען צו אלע העלפען אין אונזער אנשטרענגונג צו נעהערע אידישע פריינד, אז זיי זאלען אונז פינען וואהנונגען, און הייזער פאר שווארצהויטיגע (נעגערס), וועלכע זיינען אין פיעלע, פיעלע בעסערע שכנים, איידער די וואס העצען קעגען אנדערע ראסען.

מיר האבען פון 200 ביז 500 דאלאר און קענען באקומען זאגאר 1000 דאלאר פאר ליעסעס 4006 פאמיליע וואהנונגען אויב איהר האט פלעטס, וואס איהר ווילט ליסען, אדער פאררענטען. האבען מיר גוטע סעקיוריטי און [...] צאהלען גוטע רענט. איהר וועט קענען מאכען געלד און מיר וועלען קענען געבען אונזערע ברידער א פלאץ וואו צו וואהנען.

מיר זיינען זיכער אז אידען זיינען די ערשטע נישט צו מאכען קיין אונטערשיעד פון ראסע און דערפאר ציילען מיר זיך אויף זיי.

מיט אכטונג

הערדים און לואיס

481 עננטווין סט.

טעלעפאן: טשערי 8054

א אידישע נורסערי געגרינדעט

ווערטער רעדאקטאר פון „וועג"

אזוי ווי אייך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געווען די גרינדערס פון דעם בית יתומים. יעצט שטעהט שוין דער בית יתומים אויף אין שטיקעל בודען האבען מיר זיך ארומגעזעהען, אז אויסער דעם בית יתומים איז נויטיג אין דער נורסערי, ווארים קיין קינדער אונטער 4 יאהר טאר מען ניט אריינגעהמען אין בית יתומים. יעצט איז די פראגע וואס וועט מען טאן מיט די קליינע קינדער אונטער 4 יאהר, וועמעס מוטער אדער פאטער שטארבען חלילה, ווען דער פאטער שטארבט און די מוטער וויל געהן ארבייטען. האבען מיר געגרינדעט איין דער נורסערי ווען די מוטער וויל געהן ארבייטען און איבערלאזען איהרע קינדער זאל זי ברענגען אין דער פריה די קינדער און אויף דער נאכט זיי אהיים נעהמען און איין נורסערי פאר קליינע קינדער יתומים'לאך פון איין טאג ביז 4 יאהר נעהמען מיר זיך אונטער מיט נאטס הילף און די הילף פון גוטע מענשען מעמבערס, זאלען מיר עס קענען אויספירען. מיר האבען צו קויפען איין פאסיגע הויז פאר איין נורסערי עס פעהלט נאר געלד. געלד? אבער ווער וועט זיך אפזאגען צו געבען פאר אזא הייליגען צוועק ווי א נורסערי? מיר וועלען רופען גלייך איין מיטינג. מעמבערס און נייע מעמבערס זאלען קומען צו דיעזען וויכטיגען מיטינג פיר דער גרינדונג פון א נורסערי און דער נורסערי.

די קאמיטע.

אונזער מאטא: צו וואס צאלען טייערער, ווען מ'קריגט בילינגער.

אלעס קריגט איהר ביי אונז

דימאנטען

פון 50 דאלאר און העכער

פערל

בילינגע, מיטעלמעסיגע און טייערע

ווינערס

פאר מענער און פרויען, גאלדענע און גאלד־געפילטע

רינגען

פאר מענער און פרויען, גאלדענע, סיגנעט יאפאנעזישע, אויך מיט אלערליי שטיינער

סעטינעלאך

פאר ליידיס, לעצטע סטיילס, ווייסע, גרינע, געלע און פלאטענע

קייטעלאך

גאלדענע, 14 קערעט, אלע סטיילס.

The Boston Wholesale Jewelers

169 Griswold St.

3־טער פלאר, נעהמט דעם עלעוויטאר.

ריטייל צו האלסייל מיר פארקויפען פרייזען.

מיר גאראנטירען יעדען ארטיקעל אין זיין פולען ווערט.

פרובט נעהן פריהער ערגעץ אנדערש און דערנאך קומט צו אונז

MAZOLA

צום באקען און פרייען יוזט מאזאלא אנשטאט פוטער. איהר וועט זיין איבערראשט צו זעהן אויף וויפיעל אייער געבעקס איז פארבעסערט געווארען אין טעם און אין אויסזעהן. און וואס איהר זאלט ניט פרייען אין מאזאלא, קריגט עס א פיינעם דעליקאטען טעם און איז זעהר לייכט צו פערדייען.

היינט פאר סאלאדס — קענט איהר ניט געפינען קיין בעסערען איל, וואס זאל זיין אזוי בע'טעמ'ט ווי מאזאלא. עס איז אזוי געשמאק ווי די בעסטע אימפארטירטע אליוו איל.

דאס וואונדערבארסטע אין מאזאלא איז וואס עס קאסט ביליגער ווי פוטער, א העלפט דעם פרייז פון אליוו איל, און עס איז טויזענד מאל בעסער און נאהרהאפטער ווי בוימעל. איהר קענט זאגאר ניט פערגלייכען מאזאלא מיט טשיקען אדער גענזען פעטס, ווייל מאזאלא איז פיעל גרינגער צום פערדייען.

אזוי ווי דאס איז אמת כשר און פארעווע, קענט איהר עסען יעדע שפייז וואס איז געמאכט מיט מאזאלא סיי מיט פליישיגע און סיי מיט מילכיגע עסענס.

איהר קענט קיין זאך ניט קויפען, וואס זאל אזוי צופרידען שטילען אייך און אייער פאמיליע בעסער ווי מאזאלא. עס איז ריין, עס איז רייך, עס איז נוצבאר פאר אזוי פיעל צוועקען; עס איז נאהרהאפט און גרינג צום פערדייען און עס איז עקאנאמיש. פרובירט נאר א קען מאזאלא און איהר וועט זיכער ווערען א שטענדיגער געברויכער פון דיזען פיינעם, ריינעם, געשמאקען פראדוקט.

מאזאלא איז בעסער ווי פוטער אדער בוימעל צום באקען, עס איז נאהרהאפטער און גרינגער צום פערדייען ווי טשיקען אדער גענזען פעטס אין פרייען. עס איז אזוי גוט ווי די פיינסטע אימפארטירטע אליוו איל פאר סאלאדס און עס קאסט העלפט געלד.

פרעגט אייער שכנ'טע וואס יוזט מאזאלא.

Corn Products Refining Co

New York

פריש ווי פון אויווען ארויס

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

די איינציגע מצה, וועלכע איז פארזיגעלט אין שטארקע קארטאנס (באקסעס) און געשיצט פון שטויב, פייכטקייט און ליפט בלייבט אימער פריש, קרוכלע און בע'טעמ'ט.

מישיגאן סטייט אגענטען:

לעווין מצה קאמפאניע

דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

Levin Matzo Co.

Agents for Michigan State

Detroit Office 255 Napoleon St

MAR 22 1920

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

The Detroit Jewish Daily

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. [illegible] authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 3c. DETROIT, MICH., Friday, March 19th 1920 Vol. 2, No 32 פרייטאג 19-טער מערץ 1920

שלאכטען צווישען עבערטס סאלדאטען און דייטשע סאוועטען; פוילען פראקלאמירט סאוועטען רעפובליק, מעלדעט בערלין

פאן קאפ באגאנגען זעלבסטמארד

לאנדאן, מארטש 18. — אן אפיציע-לער באריכט פון בערלין מעלדעט דאס אין וועטער, וועסט פאליע, האבען די ספאר-טאקיסטען (דייטשע באלשעוויקעס) אין גאנצען פארניכטעט אן ארטילעריע באט-טעריע. די ספארטאקיסטען האבען אויס גע'הרג'עט אלע אפ'ציערען און כמעט אלע סאלדאטען פון דיזער באטעריע.

לאנדאן, מארטש 18. — „די לאגע אין דעם רוהר דיסטריקט פון דייטשלאנד איז העכסט ערנסט", מעלדעט דאס ענג-לישע אויסערן מיניסטעריום, „אין וויי-טער און הע-גע האבען די רויטע (ראדי-קאלע עלעמענטען) אטאקירט די באראק-קען און אויסגע'הרגעט די אפיציערען און די מעהרסטע פון די סאלדאטען. זיי הא-בען פארכאפט אלע באטעריען און קאנא-נען".

בערלין, מארטש 18. — די דייטשע באנק האט היינט ערהאלטען א ידיעה, דאס אין פוילען איז ערקלעהרט געווארען א סאוועטען-רעפובליק.

האאג, מארטש 18. — דא איז ערהאל-טען געווארען דורכ'ן טעלעפאן א בא-ריכט, דאס פאן קאפ, דער ציטווייליגער רעאקציאנערער קאנצלער איז באגאנגען זעלבסטמארד. אנדערע דעפעשען פון בער-לין גיבען איבער, דאס ער האט זיך אפ-געטראגען פון דער דייטשער הויפט-שטאט אדער ער האט זיך ערגיץ וואו באהאלטען.

קאפ באגאנגען זעלבסטמארד, מעלדעט בערלין.

לאנדאן, מארטש 18. — ס'ווערט בא-ריכטעט, דאס פרעזידענט עבערט איז אנ-געקומען נעכטען אוונט אין בערלין. ער האט באלד באפוהלען דעם רייכסטאג אין לייפציג צו פארקלאגען, די פיר-רער פון דער קאפ-רעוואלוציע, דר. וואלפגאנג קאפ, גענ. פאן לוטוויטס, גאט ליעב פאן יאגאו, אדמיראל טראטא און קאפיטאן ערהארט.

די לאגע אין דייטשלאנד, לויט פארשידענע דעפעשען

דייטשלאנד האט אראפגעווארפען דעם מאנארכיסטישען רעזשים, וועלכער איז פלוצלונג לעצטען שבת איינגעפיהרט גע-ווארען אין בערלין דורך די פינסטערסטע רעאקציאנערען. דער גענעראל סטרייק, וואס די אראבגעזעצטע עבערט-רעגירונג האט פארגעשלאגען אלס קאמפס-מיטעל געגען די מאנארכיסטען, , איז אבער פאר פארלאזען היינט בערלין, פיעל פון זיי א סאוועטען רעפובליק.

קאפ'ס ערקלעהרונג ווי אויך די אפיציע-לע סטייטמענטס פון דער עבערט-רעגי-רונג, ווייזען אן, אז די ראדיקאלע בא-וועגונג אין דייטשלאנד איז זעהר ווייט פארשפרייט. אט האט דר. קאפ אין זיין רעזיגנאציע ערקלעהרט, דאס ער ענט-זאגט זיך פון דער פיהרערשאפט פון דייט-שע ענינים, כדי דאס לאנד זאל זיין בכח צו באקעמפען דעם באלשעוויזם (אין דייטשלאנד).

פון פיעלע שטעט קומען אן באריכטען, דאס דארטען זענען פארגעקומען ארביי-טער-אויפשטאנדען, פון בערלין ווערט גע-מעלדעט דאס „רויטע" טרופען אונטער דער אנפיהרערשאפט פון ספארטאקיס-טען (דייטשע באלשעוויקעס) מארשירען אויף דער שטאט. אזוי ווי עבערטס אר-מיי האט דערווייל נאך ניט איבערגענו-מען די קאנטראל איבער בערלין, ווערט ערווארטעט, דאס די ראדיקאלען וועלען אטאקירען די שטאט.

איבער גאנץ דייטשלאנד האבען די רא-דיקאלע עלעמענטען אין פיעלע פלעצער א-בערגענומען די מאכט.

סאוועטען זענען איינגעפיהרט געווא-רען, לויט באריכטען, אין דארטמונד, גיז-א, האלע, אהלינס, אונא און געלזענקיר-כען. אין לייפציג האבען די ארבייטער פארטריבען פון די פאר-שטעט דער רע-גירונגס סאלדאטען און ביז נעכטען אוונט זענען פאר-געקומען בלוטיגע שלאכטען אויף די גאסען.

אין די רייניש און וועסטפאליש אינ-דוסטריעלע דיסטריקטען זענען די ארביי-טער-מאסען געווען נאכצופאלגען דעם ווי פון די ראדיקאלע פיה-רער.

א באריכט גיט איבער, דאס א סאווע-טען רעפובליק איז פראקלאמירט געווא-רען אין ווילהעלמסהאפען (דאס איז די גאס אין בערלין וואו די רעגירונגס גע-בייזדעס געפינען זיך).

דערווייל האבען זיך 250 מיטגליעדער פון דער דייטשער נאציאנאלער פאר-זאמלונג זיך צוזאמענגעקליבען אין שטוט-גא-ט, דער ציטווייליגער פלאץ פון דער עבערט רעגירונג צו באטראכטען מיטלען, ווי צו פארפעסטיגען דיזע רעגירונג, ווען די נאציאנאלע פארזאמלונג האט גע-האט איהר זיצונג זענען לופט שיפען גע-פלויגען איבער דער שטאט און אראפגע-ווארפען אויפרופען צו האלטען זיך רו-היג.

די באוואפענטע סאלדאטען פון קאפ'ען פארלאזען היינט בערלין, פיעל פון זיי, ווערט איבערגעגעבען, האבען זיך אנגע-שלאסען אן דער ארמיי פון די אונאפ-הענגיגע סאציאליסטען, וועלכע זאגען דאס זיי האבען 12 טויזענט באוואפענטע סאלדאטען.

אמעריקאנער אין לייפציג בעטען הילף.

קאבלענץ, מארטש 18. — צוויי הונ-דערט אמעריקאנער, וועלכע געפינען זיך אין לייפציג אויף דער אויסשטעלונג, האבען טעלעגראפירט און טעלעפאנירט צו גענ. עלען, דעם קאמאנדיר אין דעם טייל דייטשלאנד, וואס איז אקופירט פון דער אמעריקאנער ארמיי, דאס גרויסע אונרוהען קומען פאר אין לייפציג און דא רום בעטען זיי שנעלע הילף.

גענ. עלען האט באפעהלען די דייטשע באהנען קאמיסיע אין ריינלאנד, דאס זי זאל וואס אמשנעלסטען צושיקען א ספעציעלען צוג, וועלכער וועט זיך געפי-נען אונטער דער אויפזיכט פון אמערי-קאנער סאלדאטען.

דייטשע נייעס.

נע'גנב'טע טשעקס פון מארטאן בעקערי קא. געפונען ביי 8 יאהריגע מיידעלע!

מיטוואך אוונט האט דר. הארוש, דערצעהלט דער פאליציי אזא מעשה:

„ווינדער איז צו מיר געקומען און גע-קומען און געזאגט, אז ער נעהמט קריגען א סומע געלט, און ער וויל איך זאל עס פאר איהם אינוועסטען אין'ם סטאק מארקעט. ער האט מיר פארשפראכען צו געבען 10 פראצענט פון די סטאק פראפיטען. דאס איז די צעהן פראצענט, פון וועלכער ער (ווינדער) האט דערצעהלט צו דעטעק-טיווס.

„איך בין באקאנט מיט דער ווינדער פאמיליע פון יאהרען און יאהרען. איך בין געווען זייער פאמיליען דאקטאר. איך האב געטראפען ווינדערען אויף סעלדען און 2טע עוועניו. נאך דעם ווי ער האט מיר טעלעפאנירט, אז ער האט שוין דאס געלט ביי זיך. ער האט מיר איבערגעגעבען א פעקעל און איך האב עס גלייך אריינגעלעגט אין מיין קאר, ניט האבענ-דיג דעם מינדעסטען פארדאכט, אז דאס געלט זאל זיין גע'גנב'עט. ווינדער זאגט אז איך האב געוואוסט פון וואנען דאס געלט איז געקומען, אבער דאס איז ניט אמת".

עס איז שוין איצטער קלאהר, אז די פאליציי האט פאקטיש צוריקגעפונען די גאנצע $5,587, וואס איז גע'גנב'עט גע-ווארען פון דער מארטאן בעקינג קאמפ-עני מאנטאג.

ווי עס איז שוין צו אונזערע לעזער באוואוסט, איז די גאנצע מעשה פון'ם בלומרשטעדיגען „האלד אפ" א „פייק" מצד דעם קלוירק, אויגל עלדרידזש און זיינע 2 אחיסהעלפער, דזשאהן פ. ווינ-דער און דר. סקאט פ. האדוש.

דר. האדוש האט לעצטען מיטוואך איבערגעגעבען צו דער פאליציי די קעש סומע פון $3,494.98. אין דער זעלבער צייט האט די פאליציי געזוכט די $1,500 טשעקס, וואס דאס גע'גנב'עטע פעקעל האט ענטהאלטען. דזשאהן פ. ווינדער האט דערצעהלט דער פאליציי, אז ער האט איבערגעלאזט די טשעקס אין א יארד אויף אלעקסאנדרין עוו.. די פאליציי האט געמאכט אן אונטערזוכונג אין יענעם יארד, אבער זיי האבען דארטען גאר ניט געקענט געפינען.

ווייזט זיך יעצט ארויס אז אן 8 יאה-ריג מיידעל, מיט'ן נאמען העיזעל מעק-ארטשערן האט די דאזיגע טשעקס אויפ-געהויבען פון יענעם יארד, און האט זיך דערמיט באנוצט אלס שרייב-פאפייער. זי האט עס מיטגענומען אין סקוהל און די אויפמערקזאמקייט פון די טיטשערס איז באלד געצויגען געווארען צו דעם נייעם בארט שרייב-פאפיער. וואס דאס קינד האט מיט זיך געבראכט. עס האט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז דאס מיידעל האט געפונען אלע גע'גנב'עטע טשעקס און האט אפילו ניט געוואוסט וואס דאס איז.

„איך האב ניט געוואוסט אז דאס געלט איז גע'גנב'עט" זאגט דר. האדוש

ה. ראזענבלאט ביי שלום עליכם בר. 104 א. נ. א. פ.

פרייטאג אוונט דעם 19-טען ד. מ. וועט דער דיכטער, ה. ראזענבלאט, האל-טען א פארטראג אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט, 204 הענקאק, איבער דער טעמע „י. ל. שאפירא און די נייע שטרעבונג אין דער אידישער ליטעראטור".

עס איז וואונשענסווערט אז די אינטער-עסירטע זאל ניט פארפעהלען אנוועזענד צו זיין ביי דעם דערמאנטען פארטראג.

אויף דעטראיטער גאסען

פריש-צאפעלדיגע רויבערייען

מיטוואך ארום האלבע נאכט, האבען באנדיטען זיך אריינגעריסען אין דער פרינצעס לאנטשרום, 183 גרענד ריווער עוועניו, און גערויבט $55 פון קעש רעד-זשיסטער.

אין דער זעלבער צ'יט האבען גנבים זיך אריינגעריסען אין הויז פון פ. רוש-גיפריטש, 1316 באלדווין עוועניו און ארויסגע'גנב'עט $75.

אין די רומס פון מערי הארינגטאן, געטרוד קינג און אנא קלמאנאוויטש, אין 45 ארעלייד סטריט, איז אין דער זעלבער נאכט ארויסגעגאנבעט געווארען $275 אין קעש און א היבש ביסעל קליידער.

פארדעכטיגע מערדער פון'ם סאלון קיפער ארעסטירט

לואיס פוסיק, 39 יאהר אלט, א שותף פון'ם ערמארדעטע סאלון קיפער, דאניעל גלאווארנאו; ז'וא באזין, 34 יאהר אלט באַרטענדער פון יענעם סאלון, און לאמבער פוסיטן, 72 יאהר אלט, א רומער אין 341 הענדרי עוו. זיינען מיטוואך שפעט אין אוונט ארעסטירט געווארען אויף דער באשולדיגונג, אז זיי האבען ערמארדעט גלאווארנאו'ען, לעצטע שבת אין דער פריה.

די דריי חברה זיינען ארעסטירט גע-ווארען פון דעטעקטיווס קראליקאוסקי און האמפעל פון שעין סטרים סטיישאן.

איטאליענישען שניידער געבונדען און בארויבט

צוויי באוואפנעטע באנדיטען האבען זיך מיטוואך 2 אזייגער בייטאג ארי'נגעריסען אין שניידער שאפ פון טשארלס טאניאס-ניא, 244 בוביען סטריט, האבען איהם גע בונדען הענט און פיס און איהם בארויבט פון 35 דאלאר.

אפנעטאן דעם רושאב, האבען די באנ-דיטען איבערגעלאזט זייער קרבן א גע-בונדענעם און געמאכט פליטה.

זונטאג דער מיטגליעדער קאמפיין פון פיפעלס רעליעף אין אוקלאנד.

די פיפל'ס רעליעף ארגאניזירט דעם קומענדיגען זונטאג אין אוקלאנד א ספע ציעלען קאמפיין פאר מיטגליעדער און ביישטייערונגען פאר „קינדער-היימען" פאר די הונדערטע טויזענט פאטערלאזע יתומ'לאך אין אייראפא.

די פיפל'ס רעליעף איז זיכער, דאס די אידישע באפעלקערונג אין אוקלאנד וועט אויך דיזען מאל זיך אפרופען ווארעם צו די נויטען פון אידישען פאלק, ווי זי האט עס תמיד געטאן. צו אוקלאנד'ער אידען איז ניט נויטיג, דענקט די פיפל'ס רעליעף, צו אפעלירען מיט הויכע פראזען. די אוק לאנדער אידען פיהלען אלע ווי איינער דעם גרויסען אומגליק וואס האט געטראפען דעם אידישען פאלק און זיי וועלען טאן וויפיעל זיי וועלען נאר קענען.

אבער ס'נויטיגען זיך וואלונטירען, וועל כע זאלען באזוכען די אידישע הייזער. זאלען אוקלאנד'ער אידישע יונגע לייט און מיידלאך קומען און טאן די ארבייט.

קאמיטעען וועלען ארויסגעשיקט ווע רען זונטאג צעהן א זייגער אין דער פריה פון אידישען ארבייטער אינסטיטוט, 93 העלמאר עוו.

די קאמיטעען פאר די אנדערע טיילען שטאט, אויסער אוקלאנד, וועלען זונטאג ארויסגעשיקט ווערען פון 204 הענקאק.

סטייט דעפארטמענט רעקאמענדירט צו שיקען געלט קיין פוילען דורך דזשאינט דיסטריביושאן

ביז מיט א קורצער צייט צוריק פלעגט דער סטייט דעפארטמענט אין וואשינג-טאן אליין אננעהמען איבערצושיקען געלד פון אמעריקאנער בירגער צו די קרובים אין פוילען. איצט האט דער סטייט דע-פארטמענט ארויסגעלאזט אן ערקלעהרונג, אז ער וועט מעהר קיין געלד ניט אננעה-מען, און אז מען זאל פון דאנען אויך ניט שיקען קיינע געלדער צו דעם אמעריקא-נעם אמבאסאדאר אין ווארשא. ווייל ער האט געקראגען א פאראררנונג נישט אי-בערצוגעבען קיינע געלדער. אנשטאט דעם ווייזט דער סטייט דעפארטמענט אן, דורך וועלכע וועגען עס איז מעגליך ארויסצושיקען געלד. אבער דערענגר'נ יענען פארשידענע בענק און אינסטיטו-ציעס, רופט דער סטייט דעפארטמענט אן ניים נאמען בלויז איין איינציגע ארגאני-זאציע — און דאס איז די דזשאינט דיס-טריביושאן קאמיטע, וועלכע ווערט אין דער אפיציעלער ערקלעהרונג דערמאהנט אלס די ערשטע צ'יישען ארגאניזאציעס, דורך וועמען געלד קיין פוילען קען גע-שיקט ווערען.

די ערקלעהרונג פון סטייט דעפארט-מענט זאגט:

„עס ווערט פארשטאנען, אז די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט די בעסטע מיטלען איבערצושיקען געלד קיין פוילען און די בעסטע ארגאניזאציע אנצו-פיהרען די ארבייט דא אזוי אויך אין פוי-לען. די הויפט אפטיילונג געפינט זיך אין ווארשא, און עס זענען דא 1300 לאקאלע קאמיטעס אין די שטעדט און שטעדט-לאך איבער'ן לאנד. די קאמיטע האט זיך אויך לעצטענס באזארגט מ'ט די בעסטע מיטלען, אז איהרע אגענטען זאלען קענען אנקומען אין די ווייטסטע געגענדען, וואס אין שייך די אידען אין פוילען. אין עס דורכשניטליך ליכט אויסצוגעפינען די פערזאנען, צו וועמען דאס געלד ווערט גע-שיקט. דאס ווערט געטאן דורך סינאגא-גען אדער דורך אנדערע ארגאניזאציעס, און אזוי ארום לאזט מען וויסען דער באַ-טרעפענדער פערזאן, אז עס איז דא געלד פאר איהם אין ווארשא אדער ביי דער לאקאלער קאמיטע. די אויסצאהלונגען ווערען געמאכט אויף פאלגענדען אופן:

די געלדער, וואס די קאמיטע קריגט דא צום איבערשיקען, ווערען געזאמעלט ביז ענדע וואך, און יעדע וואך ווערען די ליסטען אריבערגעשיקט צו דער הויפט אפטיילונג אין ווארשא. די ווארשאווער קאמיטע צאהלט אוים דאס געלד לויט דעם באשטימטען קורס. פאר יעדער ארויס געשיקטער סומע ווערט דא ארויסגעגעבען א רעסיט".

דער סטייט דעפארטמענט דערקלעהרט ווייטער, אז דער איינציגער פאל, ווען ער קען אננעהמען צו שיקען געלד דורכ'ן אמעריקאנער אמבאסאדאר אין ווארשא, איז דעמאלט, ווען דאס געלד ווערט באַ-שטימט פאר אן אמעריקאנער בירגער, וואס דארף צוריקקומען אהער. אבער אויך דא — זאגט די ערקלעהרונג — איז דעם אמבאסאדאר זעהר שווער צוצושטעלען דאס געלד אין די קלענערע שטעדט אויסער ווארשא.

שטאט לאיער וויזט צוריק פארשלאג פון דער די. יו. אר. קא.

דער שטאט-לאיער, מר. ווילקאקס האט ערקלעהרט. אומגעזעצליך דעם פארשלאג פון דער היגער קאר קאמפאניע וואס איז פארעפענטליכט געווארען אנפאנג וואך צוליעב פאלגענדע טעמים:

די קאמפאניע גיט ניט אן די דיטאלען פון אלע ליניען, וואס ווערען יעצט אפער-הירט פון דער „די יו אר"; עס ווערט ניט געגעבען קיין ערקלעהרונג, וואס פאר א קערפערשאפט די „די יו אר" איז — א קארפאריישאן, א „פארטנערשיפ" אדער גאר אן אינדיווידועלע אונטערנעהמונג; זי גיט ניט אן קיין באשטימטע טערמינען אין באצוג צו אפערירונגס אויסגאבען; די קאמפאניע נעהמט אויף זיך ניט קיין שטראף, אין פאל זי וועט ניט אפערירען די שטאטיש געבויעטע סאבוועיס און עלע וויי'טארס.

מר. ווילקאקס גיט אויך אן איניגע רייןוורידישע טעמים, למאי דער פאר-שלאג קען ניט גוטגעהייסען ווערען אזוי ווי ער איז, אום ער זאל קענען איבערגע-געבען ווערען צו א פאלקס אפשטימונג דעם 5טען אפריל.

קארקאמפאניע זוכט א מאנדאמוס געגען לאיער ווילקאקס

לאיערס פון דער „די יו אר" וועלען דאנערשטאג זיך ווענדען נאך א מאנדא-מוס אין סופרים קאורט געגען דעם שטאט לאיער ווילקאקס.

מר. עליאט דזש. סטיווענסאן, הויפט לאיער פון דער קאמפאניע, האט ארויס-געגעבען פאלגענדען סטייטמענט:

מר. ווילקאקס, האט לעצטען מיטוואך אונז צוריקגעשיקט די געשריבענע פארם פון דער קאמפאניעס פארשלאג, מיט א פארזיכטיגען צושריפט געגען איהם. ער גיט אבער ניט אן קיין באשטימטע אור-זאכען, ווארום ער וויל ניט גוטהייסען דעם פארשלאג, וואס ער דארף לכל הדעות טאן לויט דעם טשארטער. און אזוי ווי מיר האבען דעם פלאן אריינגע-שיקט אום צו הערען א מיינונג וועגען איהם און מיר האבען דערוייל קיין מיי-נונג ניט געהערט, וועלען מיר דארום זיין געצוואונגען צו מאכען א לעגישען שריט אין דער אנגעלעגענהייט און זיך ווענדען אין געריכט נאך א מאנדאמוס געגען דער האנדלונג פון דעם שטאט-לאיער".

די קאמפאניע איז נאך אלץ „ביזי" מיט'ן צוזאמענשטעלען א פעטיציע פון דעטראיטער בירגער פאר דער גוטהייסונג פון איהר פארשלאג.

א סענסאציע איז פאראורזאכט געווא-רען פון א בריעף, וואס מר. ע. לארנער, דער געוועזענער פרעזידענט פון דער „באארד אוו סטריט רעילוועי קאמישיא-נערס" האט געשיקט צו מר. דזשיימס ס. סאלדען, דעם טשערמאן פון דער אזוי גערופענער „קאמיטע פון 57" וואס איז ארגאניזירט געווארען צו באקעמפען דעם מע'ארס פלאן, אז ער זאל זאפארט ארונ-טערנעהמען זיין נאמען פון דער „57" ליסטע, ווייל ער, צוזאמען מיט זיינע קאר-לעגען, ד. וואלראן און פראנסעס ס. מעק-מאטה, וועמעס נעמען עס ווערען דער-מאנט צווישען די 57 האבען גאר ניט בדעה צו פיהרען דער קאמפאניעס קאמ-פיין...

דער דאזיגער בריעף איז נאטירליך אויפגעכאפט געווארען פון די אנהענגער פון'ם מעארס פלאן ווי אן אבדטויב און זיי ווייזען יעצט אן, מיט וואס פאר א ניט זויבערע מיטלען די קאר קאמפאניע באנוצט זיך, אום צו געווי'נען די עפנט-ליכע מיינונג אויף איהר זייט.

8 טערקען גע'הרג'עט ווען עלייעס פארנעמען קאנסטאנטינאפאל

קאנסטאנטינאפאל, מארטש 18. — די אלייאירטע האבען נעכטען פארנומען קאנ-סטאנטינאפאל, די סאלדאטען און מאטרא-זען זענען געלאנדעט געווארען, ווען די אלייאיר-טע פלאטע האט אנגעשטעלט איה-רע קאנאנען אויף דער טערקישער הויפט-שטאט. ווען די אלייאירטע סאלדאטען הא-בען פארנומען אלע רעגירונגס געביידען און צוגעטראטען צו דעם קריעגס-דע-פארטמענט, האט די טערקישע וואך זיך געגענגעשטעלט. נאך א שיסעריי, פון וועל-כע 8 טערקישע סאלדאטען זענען גע-פאלען טויט, איז די קריעגס געביידע פארנומען געווארען.

אין זונטאגדיגען נומער „וועג"

די היינט'גע פאליטישע וואך אין רייך מיט פאסירונגען: אן איבערקעהרעניש אין דייטשלאנד, אן איבערקעהרעניש אין פוילען; א סומאטאכע בנוגע טערקיי; אומרוהיג בנוגע אירלאנד — מיט איין ווארט: א וואך וואס איז רייך מיט פאלי-טישע פאסירונגען און די וואס האבען גע-לייענט די ארטיקלען פון אונזער מיטאר-בייטער ז. ק. ווייסען אז זיי וועלען קענען האבען א גוטען באגריף מכח די אלע פא-סירונגען ווען זיי וועלען לייענען די אפ-האנדלונג אין זונטאגדיגען נומער פון ז"ק.

וועגען די פאסירונגען אין דייטשלאנד שרייבט אויך דער רעדאקטאר אין זיין זונטאגדיגען לייט ארטיקעל.

אינ'ם דעטראיטער שפיגעל דערצעהלט אינם זונטאגדיגען „וועג" הרואה ואינו נראה. אן אינטערעסאנטע דעטראיט'ער מעשה מיט א כינעזישען באי, וועלכער האט זיך ארומגעטראגען מיט א אידישען סידור און וואס פון דעם באי איז געווא-רען.

א זעהר גייסטרייכער שטימונגס אר-טיקעל פון דיכטער מנחם.

א פראכטפאלע איינדרוקספאלע סקיצע פון מרים קארפילאוו.

ביי אונז אין דעטראיט געפינט זיך א'צט דער באקאנטער ציוניסט און שריפט שטעלער לעאן זאלאטקאף. אונזער מיט-ארבייטער י. ראפינאוויטש האט געהאט מיט איהם אן אינטערוויו און באשריבען זיינע מיינונגען וועגען פיעלע ציוניסטי-שע ענינ'ים און אן ארטיקעל וואס וועט געדרוקט זיין אין זונטאגדיגען נומער.

לייענט איהר אלע טאג די לעצטע פיידזש ארטיקעל פון 'וועג'?

מיר האבען שוין אריינגעקראגען אבי-סעל פראגען פאר דער אפטיילונג „דינים און משפטים" וועלכע וועלען באנטווארט ווערען פון די צוויי באקאנטע לאיערס י. ר. לימאן און מ. ל. ליליס. אזוי גיך ווי זיי וועלען פארטיג ווערען מיט זייערע תשובות וועלען מיר זיי פארעפענטליכען אין „וועג".

אינטעליגענטע

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

באָרען אויף דעם אמעריקאנעם פּראקטישען באָדען. זיי זענען נאָרמאל, געזונד, לעבענספעהיג און ווען זיי וועלען אמאָל ערציהען א דור — האָט ער געטראכט — וועט ניט פּאסירען מעהר יענע טראגעדיעס ווי ביי זייערע עלטערען!

— קום אַרויף צו אונז מישא ווען דו וועסט וועלען! — האָט איהם בלאָך ארויסבאגלייט. און זיינע אויערען האָט נאָך פריש אָפּגעקלונגען דאָס איבעריגע ליעד וואָס ער האָט פאר מלכה'לען געשפּיעלט.

פון יענעם טאָג אָן איז מישא געוואָרען ביי בלאָך'ן א בן בית און ער האָט איהם ליעב געקראָגען ווי א אייגען קינד.

קאפּיטעל כ"ד

א פריינדליך הויז

אניוטא האָט יענע נאכט געבראָנדזשעט איבער די גאסען ווי איינע וואָס פאלט מיט אמאָל ארונטער פון אן אנדער וועלט.

— וואָס בלייבט מיר צו טאָן? — האָט זי אין איהר טיעפסטער פערצווייפלונג געקלעהרט.

— פערשטויסען פון די עלטערען אין א לאַנג וואָס איז זעהר א שווערע, וואו טהוט מען זיך אהין?

בעקאנטע האָט זי געוואוסט וועלען איהר אויך פערשטויסען און העכסטענס וועלען זיי איהר ווייזען אביסעל רחמנות, נור דאָס וועט זי אין הארצען ניט צופרידענשטעלען.

— דעם געדאנק פון זעלבסטמאָרד האָט זי פערשטויסען, ווען איהר איז מיט אמאָל איינגעפאלען אוועקצופאָהרען פון שטאָדט.

— אין א פרעמדער שטאָדט, קיינער וועט מיך ניט וויסען! — האָט זי געקלעהרט. איך וועל זיך מאטערען ביז איך וועל געבען געבורט צום קינד און דאן זאָל זיך זיין וואָס עס וויל זיך. זי האָט אראָפּגעריסען פון זיך איהרע צוויי רינגלאך וואָס זי האָט פארמאָגט און זי האָט פאר דאָס געלד געקויפט א באַהן בילעט

און איז אויף דעם אנדערען פריהמאָרגען אוועק אין ניו יאָרק.

— ניו יאָרק — האָט זי צו זיך אליין גערעדט בעת זי איז געזעסען אין וואגאָן — ניו יאָרק איז די שטאָדט וואו אלע מישען זיך אויס און דעם קאָכיגען קעסעל גרוב און איינער קען ניט דעם צווייטען.

עס איז געווען ניט מעהר ווי א צופאל. וואָס זי איז אנגעקומען צו בלאָך'ן אין הויז אריין. זי האָט געפיהלט אז אין א פאבריק וועט זי יעצט ניט אימשטאנד זיין איינצוזיצען און זי האָט באשלאָסען צו זוכען הויז ארבייט. זי איז געזעסען אין שטאָדטישען פּארק און האָט געבלעטערט טעגליכע ציימונגען, ביז זי האָט געטראָפען אן אנאָנסע וואָס האָט זיך גע-לעזען ווי פאָלגט:

— פערלאנגט אן אינטעליגענטע פרוי וואָס איז וויליג איינצופּאסען א הויז.

זי איז דעם זעלבען פארנאכט אוועק אויף דער אנגעגעבענער אדרעסע און האָט ניט קיקענדיג דערויף, וואָס זי האָט געזעהן אז דאָס הויז האָט פינף קינדער, אנגענומען דעם פּלאץ און איז שוין דאָרט-מען פערבליבען. די ערשטע צייט איז איהר די ארבייט געפאלען זעהר שווער, נור דער בעל הבית איז געווען צו איהר זעהר פריינדליך. ער האָט באמערקט אז איהר געזיכט, אז זי איז זעהר אן עלענדע, א ליידענדע און אין אבענד, בעת ער איז אהיים געקומען פון דער ארבייט האָט ער אימער געזוכט איהר ארויסצוהעלפען אין הויז.

מלכה'לע איז מיט דער צייט געוואָרען זעהר נאָהענט באפריינדעט און זי פלעגט מיט איהר אָפט פארברענגען ווי מיט אן עלטערע שוועסטער.

אויך מישא איז געווען זעהר גוט צו איהר, און אימער, בעת מישא פלעגט שפּיעלען פאר מלכה'לען אויף זיין פידעל, פלעגט אניוטא זיצען און זיך איינהערען. זיין שפּיעלען האָט איהר ערינערט אן בעללס שפּיעלען און אָפט פלעגט זי זיך פער'חלום'ען און אויפס ניי אָבפרישען יענע זיסע מאָמענטען, וועלכע זי האָט אמאָל דורכגעפיהלט, בעת זי איז ערשט מיט - בעלל'ן באקאנט געוואָרען.

דאמאָלס איז זי געווען אזוי רוהיג און ווייט, ווייט פערטראָגען אין דער פאנטאזיע, נור אָפט האָט זיין שפּיעלען איהר אויך דערמאָנט אן דער געשיכטע מיט וואָס איהר באקאנטשאפט מיט בעלל'ען האָט זיך געענדיגט. דאמאָלס האָט זי זיין שפּיעלען ניט געקענט פארטראָגען און זי פלעגט ווערען נערוועז און ליגען פאר-שפּארט אין א באזונדער צימער.

איינמאָל איז בלאָך אהיים געקומען און באלד ביי זיין אריינקומען האָט ער דערהערט ווי אימיצער וויינט ערגיץ שטיל, נור אזוי מורא'דיג פערצווייפעלט עס האָט איהם לאַנג ניט גענומען און ער האָט אויסגעפונען אז דאָס איז אניוטא.

ער איז געוואָרען שטארק אונרוהיג וועגען דעם און דעם זעלבען אויף דער נאכט, בעת מישא און מלכה'לע זיינען ארויס אָן גאַס אביסעל אויף א שפּאציער, האָט ער אָפּגעוואַרט ביז זי איז ארויסגעקומען פון איהר צימער און ער האָט פארבונדען מיט איהר א געשפּרעך.

— אניוטא! — האָט בלאָך איהר שטיל א זאָג געגעבען און איהר אנגעוויזען א פּלאַץ צום זיצען.

זי האָט זיך אויסגעזעצט און מורא'האבענדיג אז איהר וועט אויסקומען פיר-לייכט צו ענטפערען אויף אונאנגענעהמע פראגען האָט זי א זאָג געטאָן:

— איך בעט אייך, ריהרט ניט אויף מיינע וואונדען. עס איז אזוי שווער!

זי האָט זיך צעבליפּעט און האָט געוואָלט פארלאָזען דאָס צימער.

בלאָך האָט זי אָפּגעהאלטען.

— זייט רוהיג, אניוטא. איך וויל אייך ניט וועה טאָן, וויסט איז איהר ווייט ביי מיר אין הויז ניט קיין דיענסט-מר רעכענען אייך פאר אן איינענע. — מלכה'לע האלט אייך פאר א געטרייע שוועסטער און אלע מיינע קינדער האָבען אייך ליעב. דעריבער וויל איך איהר זאָלט ניט אומגעהן אזוי פערצווייפעלט. רעדט זיך דורך מיט מיר, פיליייכט קען איך עפּעס טאָן פאר אייך, אניוטא?

— איך האָב גאָר ניט וואָס צו רעדען! — האָט אניוטא געענטפערט — איך בין אן אומגליקליכע.

בלאָך האָט לאַנג געקוקט אויף איהר און האָט דערנאָך איהר א זאָג געגעבען.

— אניוטא, איך האָב גאָר ניט גע-גען אייך. איך האָב אייך ניט געפרעגט קיין זאַך. ווען איהר זענט אנגעקומען צו מיר, כאָטש איך האָב גלייך דערקענט אין וואָס פאר א לאַגע איהר געפינט זיך און יעצט, ווען איהר זענט אָפּגעווען דאָ אין שטוב א פּאָר מאָנאטען, האָט איהר געוויס מיין סימפּאטיע מיין פריינדשאפט. איך וועל ניט פרעגען ביי אייך קיין איינצעלהייטען, ווער און וואָס. איך קוק אויף דער גאנצער זאַך גאנץ אנדערש און איך וויל אייך בעטען, זייט רוהיג, אייער צושטאנד פאָדערט דאָס. איך וועל פאר אייך באשטעלען א דאָקטאָר און ער וועט קומען אהער, ווען איהר וועט איהם דארפען און איך וועל זעהן אייך מאכען אזוי באקוועם ווי ניר מעגליך.

זי האָט איהם געדריקט די האַנד און האָט זיך היסטעריש צעלאכט.

— דאָס איז מעהר וויפיעל איך האָב פון אייך ערווארטעט, ווי גוט און עדעל דאָס איז פון אייך!

— ניר זייט רוהיג און פערצווייפעלט ניט — האָט ער זיך ביי איהר געבעטען.

ווען מלכה'לע איז צוריק געקומען האָט דער פאָטער איהר א זאָג געגעבען:

— מלכה'לע, פון היינט אָן זאָלסטו אניוטאַן ניט לאָזען טאָן קיין שווערע ארבייט. זי האָט ניט קיין כוח.

מלכה'לע איז צוגעלאָפען צו אניוטאַן און האָט זי ליעבליך ארומגענומען ארום האַלז מיט ביידע הענט.

— איך העלף דאָך דיר שטענדיג, ניט אמת, אניוטא?

— יא, קינד, דו ביסט זעהר גוט. — האָט אניוטא איהר געענטפערט און האָט איהר א קוש געגעבען.

פון יענעם טאָג אָן האָט אניוטא אויפגעהערט צו ארבייטען. מלכה'לע האָט איהר געוויזען זעהר פיעל צארטליכקייט און אין דער, נאָך ווען זי איז געלעגען געוואָרען, איז מלכה'לע געווען אימער זיך פאר גרויס פריידע, זי איז געזעסען און האָט גענעהט העמדלאך און קליידלעך פאר דאָס קינד. בלאָך האָט אניוטאַן פּרעזענטירט א גאָלדען ריינגעלע, אויפ'ן טיש האָט ער איהר אוועקגעשטעלט א גרויסען בוקעט בלומען. מישא האָט איהר געבראכט א פלאַש וויין און א רינגעלע פון גאָלד פאר דעם ערשט-געבאָרענעם קינד.

אלע קינדער האָבען זיך געפרעהט מיט דעם קינד, פונקט ווי מיט זייערס א שוועסטערעל.

אניוטא האָט זיך מעהר גיט געפיהלט אזוי עלענד און איז געלעגען און האָט גליקליך געקוקט, אויף דעם קליינעם קינד וועלכעס איז געלעגען רוהיג מיט גע-שלאָסענע אויגעלעך, איינגעדעקט אונטער א ווייסע קאָלדרע.

זי איז געוועזען גליקליך, וויסענדיג, אז איהרע עלטערען האָבען זי פערשטויסען און ווילד פרעמדע מענשען האָבען זיך איהר ארויסגעוויזען אזוי טריי און פריינדליך.

מאכט ניט קיין ראסען אונטערשיעד

מיר ווילען דא אפּעלירען צו אונזערע אידישע פריינט, אז זיי זאָלען אונז העלפען אין אונזער אנשטרענגונג צו גע-פינען וואהנונגען און הייזער פאר שווארצהויטיגע (נעגערס), וועלכע זיי-נען אין פיעלע פעלע בעסערע שכנים, איידער די וואָס קענען קענען אנדערע ראסען.

מיר האָבען פון 200 ביז 500 דאלאר און קענען באקומען ווארט 1000 דאָלאר פאר ל'עסעם 4000 פאמיליע וואָה-ננגען. אויב איהר האָט פּלעטס, וואָס איהר ווילט ליסען, אדער פארדענטען, האָבען מיר גוטע סעקיוריטי און קענען צאָהלען גוטע רענט. איהר וועט קענען מאכען געלד און מיר וועלען קענען געבען אונזערע ברידער א פּלאַץ וואו צו וואהנען.

מיר זיינען זיכער אז אידען זיינען די ערשטע ניט צו מאכען קיין אונטערשיעד פון ראסע און דערפאר ציינען מיר זיך אונטער

מיט אַכטונג

הערדים און לואיס

481 ענטווין סט.

טעלעפאן טשערי 8054

ריטייל גראָסערס אויפמערקזאם

ברייגנט די קעש און פּאקומט אייערע בארגענס

אום צו רעדוצירען די פּרייזען פון לעבענסמיטלען האָבען מיר פארבערייט די פאלגענדע ארטיקלען צו ספּעציעלע פּריי-זען

לוקס קייס	$10.00	סט-א און רעסבערי ראז.	3.00
פּ. און ג. זייף קייס	7.31	סוירטש לייט מאטשעס קייס	6.20
פעלס זייף קייס	7.25	סיקוועל קאפ מאקאראני, ספאגעט-	
פּערי זייף קייס	7.30	הי און נודלס קייס	1.50
5 סענט גאָלד דאסט קייס	3.85	בלוקארא סיראפ ג. ½ קייס	3.00
5 סענט סנאו בוי קייס	3.80	באקי מילך, גרויסע קייס	5.60
קעמפּבעלס בינס ראז.	1.25	איגל מילך קייס	10.05
ריטעטר בינס ראז.	1.20	לידער מילך קייס	7.85
בולדאג סארדינס קייס	6.35	ליבב'ס מילך קייס	5.60
אלרייט דושעס	3.00		

פאר דעליווערען עקסטרא

סטיגלינץ גראָסערי קא.

251 נאפּאליאן מעין 699

„פון פעקטארי צו אייך"

וואל פּייפּער

ג. לינדאי פון 497 סט. ענטווין אונזער סטאק פון פּייפּער איז איצט איי-בערגעוועהנליך רייך און שליסט איינפיעל מערקווירדיגע דעזיינס, וועלכע קע-נען ניט געפונען ווערען אנדערשוואו.

די קאנדיציאנען פון פּייפּער מארקעט ווייזען, אז פּייפּער וועט אויפשטייגען איידער דער סעזאָן ענדיגט זיך. אונזער ראטה איז אלזא, אז איהר זאָלט קויפען איצט אפילו פאר צוקונפטיגען געברויך. אונזערע פּרייזען זיינען גערעכטיגטע און אונזער פּייפּער שטעלט אייך צופרידען.

New York Wall Paper Store

103 Michigan Avenue

C. R. Johnson, Prop

קיינער טאָר ניט ארויסגיין פאר פסח פון אונזער סטאָר ליידיג



איז געווען דער פּרעסידענט פון אונזער פירמע מר. אברהם האלפּערין, ווען ער איז היינטיגע וואָך געקומען צוריק פון סינסינאטי, שיקאגא, ראטשעסטער, און ניו יאָרק מארקעטס, און אום צו באשטעטיגען זיינע סטייטמענטס, האָבען פון די נארטה, איסט, סאוטענד וועסט אנגעפאנגען אריינצוקומען סוטס און דאן הונדערטער, און יעצט קענט איהר קריגען אין עלעקשאן פון דריי טויזענד סוטס אין ביידע סטאָרס. — אויב איהר זייט איין דאן טאונער קאסטו-מער, זאָלט איהר ני פארגעסען, צו אפּשטאפּען אין אונזער

גאָלדבאנד קלאָטהינג סטאָר

און מר. מאָריס האלפּערין וועט אייך זייער העפליך אויפנעהמען און ציינען אייך די לייטעסט סעלעקשאן אין מענער סוטס און טאפּ קאוטס, און אויב איהר זענט אין איסט סיידע קאסטומערסטימער, דאן איז יעדען איינעם גוט באקאנט די פירמע

האלפּערין בראס. ענד דייוויס

וואו ארענטליכע באהאנדלונג, פּינקטליכע אטענשאן, און מעסיגע פּרייזען זיינען אימער געווען אונזער פּאליסי, און פיר היינטיגען ספּרינג ווען קלאָטהינג איז בראנד טייער פּיטשורעלמיר היעל וואורסטעדס אין קאנסערוואטיוו מאָדעלס ספּעשעל פיר פּסח

$57.50

יונג מענס דאבעל ברעסטעד מאָדעלס 60.0

פע-צעהנטע סטריט קאר וועט אייך ברענגען צו אונזערע צוויי סטאָרס סטאפּט אפּ אין אלפּרעד און בוביען און געהט צו צוויי בלאָק וועט איהר קו-מען צו אונזער הייסטינגס סט. סטאָר. — פאהרענדיג דאן טאון סטאפּט אפּ אין ארעמס און געהט צו איין בלאָק ביז וואודוואר וועט איהר גלייך זיין אין אונזער גאָלד באנד קלאָטהינג שאפּ

וואַרט ניט ביז דער לעצטער מינוט און קויפט יעצט, וועט מען אייך ריכטיג אטענדען, און אונזערע טיילארס, וועלען אייך מאכען ריכטיגע אלטערייש אנס. מיט איין קליינעם דעפּאָזיט וועלען מיר דאָס פיר אייך אוועקלייגען ביז וואנען איהר וועט זיין רעדי דאָס ארויסצונעהמען.

HALPERIN BROS, & DAVIS

לכבוד פסח

The House of Epstein

400-2 Hastings St

א $50.000 סטאָק

האָט מר. אב עפּשטיין ערשט געבראכט פון ניו יאָרק, די שעהנסטע מענס סוטס, און ספּרינג-קאוטס, באיעס און טשילדרענס קלאָדינג לייטעס סטיילס און שענסטע פּעטערנס סילק שוירטס, נעקטייס, מענס הוזס און א פולע ליין פון דזשענטס פירנישינג.

ספּעשיאל רעדאקשאן ביז פסח

וואַרט ניט אויף ערב פסח און נוצט שוין אויס די געלעגענ-הייט. — מיר ווינשען אונזערע קאסטומער א פרעהליכען און כשר'ן פסח

די הויז אוו עפּשטיין

400-402 הייסטינגס סט.

הערט גאווערנאר לאָודען

וועלכער רעדט אין דער ארמאָרי לאַרנעד און בראש סט. 8 אזייגער שבת אווענט און אין דער דעטראיט אפערא הייז, און די קאמפוס, 12.15 שבת ביי טאָג.



גאווערנאר פרענק א. לאודען פון אילינאיז

די ציימען פאָדערן א שטאַרקען, פעהיגען און עפישיענט פּרעזידענט

לאודען פון אילינאים איז דער מאַן

אלס טשיעף עקזעקוטיוו פון א גרויסען שטאַט האָט ער איינגעטאָן וואונדער פארקלענערענדיג די שטאַט טעקסעס אין 3 יאָהר פון 90 צו 60 סענט, איינשפּאָרענדיג דעם שטאַט פיער מיליאָן דאָלאר א יאָהר. ער האָט באוויזען דיא „רעד טייפּ".

זאָל די
לאָודען-פאַר-פּרעזידענט
זיין אייער אידעע

א פאַראיין פון אַנגעשטעלטע

ביז איצט האָבען די אַנגעשטעלטע פון דער אידישער באנק אין ירושלים נישט אנטייל גענומען אין דעם פאַראיין פון די אַנגעשטעלטע. יעצט האָבען די באנק אַנגעשטעלטע באשטימט אריינצוטרעטען אין'ם פאַראיין. ס'איז אויך באַשלאָסען געוואָרען אויפצופאָדערן די פון ועד הצירים זיך צו אַנשלעסען אין'ם פאַראיין.

צוריקגעקומענע

פון קאפריסין (אינזעל ציפרוס) האָבען זיך צוריקגעקעהרט 165 עמיגראַנטען וועלכע זענען בעת דער מלחמה ארויסגעשיקט געוואָרען פונ'ם לאַנד.

לייהע און שפּאַר אינסטיטוציע אין ירושלים

דער פינאַנציעלער און סטאַטיסטישער באריכט פאַר תרע"ם איז איצט פארעפענטליכט געוואָרען. דיזע אינסטיטוציע עקזיסטירט נאָר איין יאָהר און, האָט זיך אין אזא קורצער צייט זעהר ענטוויקעלט. די ארבייט ווערט געטאָן אויף א ריינעם האנדעלס-באַזים. די הלוואות צו די חברים ווערען געגעבען אויף אויסצאָהלען (פון 6 ביז 10 חדשים) די יעהרליכע אפּעראַציעס באטרעפען ביז 50.000 פונט.

די צאָהל פון חברים ביז די ענדע פון תרע"ם איז געווען 453, צונויפגעשטעלט פון פארשידענע קרייזען.

נאָר 70 חברים מיט א קאַפּיטאַל פון עטליכע הונדערט פונט האָבען די ארבייט אנגעהויבען. אין דעם יאָהר איז געווען ריין 160 פונט פון די הלוואות און קרוב פון 200 פונט פון פּראָצענט.

עלעקטריע אין יפו

דער מיליטערישער פיהרער האָט פאַרלאַנגט פון העס-יפו'ער מאַגיסטראַט (ער) זאָל איהם צושטעלען א ליסטע פון די יעניגע וועלכע פאַרלאַנגען איינצופיהרען עלעקטריציטעט און וואַסער-לייטונג אין זייערע הייזער און געשעפטען. ער האָט מודיע געווען אז ער נעמט אָן שריטע צו פארמירען א געזעלשאַפט פאַר די צוויי איינריכטונגען. די געזעלשאַפט וועט איינאָרדנען דיזע ארבייט מיט דער הילף פון דעם אדמיניסטראַט אָדער מיט דער הילף פון דער רעגירונג.

קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט אין ארץ ישראל

דער דעפּאַרטמענט פון אגריקולטור און קאָלאָניזאַציע באשעפטיגט זיך פיעל מיט קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט וועלכע ווערען אלץ גרעסער אין צאָהל אין ארץ ישראל.

דער דעפּאַרטמענט ווייזט אויף זייערע מעלות:

1) דער אידישער ארבייטער וועלכער איז נישט אימשטאַנד, צוליעב זיין סאָציאַלע און אינדיווידועלע ענטוויקלונג, צו ארבייטען אונטער די אויפזעהער פון אַנגעשטעלטען, וועלכער רויבט פון איהם דעם אינטערעס אין די ארבייט. אָט דער ארבייטער האָט געפונען אין די קבוצה א פאַסענדער פעלד פאַר ארבייט.

2) די קאָאָפּעראַטיווע גרופּען האָבען אויסגעלערענט א באשטימטע צאָהל יונגע לייט אגריקולטור-ארבייט, און האָבען צוגעשטעלט מענשען-מאַטעריאַל פאַר נייע ארבייטער-גרופּען אין פאַרשידענע פונקטען פון ישוב.

3) דורך די קאָאָפּעראַטיווע גרופּען איז מעגליך געווען צו באַארבייטען געוויסע שטחים פון לאַנד וועלכע זענען נאָך ניט פּאַסיג געווען אויפצונעמען פאַמיליעס.

4) דורך זעלבסט ארבייט האָבען די ארבייטער געווירקט אויף די יונגע קאָלאָניסטען, אז זיי זאָלען זיך באַציהען ווי געהעריג צו דער ארבייט, און פיעלע האָבען אָנגעהויבען זעלבסט ארבייטען אַנשטאָט ווי ביז אהער — באשעפטיגט אראַבער.

די גרופּען אָרדנען זיך איין אויף א פּראָפעסיאָנעלען אופן: גרופּען פאַר ריינע אַקער-בויער, פאַר פיה-צוכט, פאַר גרינצייגען, פאַר פלאַנצונגען, פאַר אראַנזש'ערטען א. אז. וו.

די גרופּען באשעפטיגען זיך פיעל אויך אין באַוועלדערען, וועלכע וועט העלפען אין סאַנירען דאָס לאַנד, שאַפען לאַנד און אויך שאַפען ארבייט פאַר פיעדערען-האַלץ וואָס איז זעהר זעלטען דאָ אין לאַנד. דער דעפּאַרטמענט האָט פאַר די לעצטע עטליכע חדשים אָנגעהויבען פלאַנצען אין פיעלע פונקטען, נעבען ראשון לציון, אין ספר מבא, אויפ'ן כרמל, אין מרחביה, כנרת, דגנית, מחנים סלנדריה און מיצה, נעבען ירושלים. אראַנזשעריען זענען איינגעאָרדענט אין יפו, פּתח-תקוה, ירושלים תל-חי א. אז. וו.

דע רייעצטיגער מצב אין אגריקולטור פאָדערט די ניכע ענטוויקלונג פון פיה-צוכט. פאַר דיזען צוועק מוז ווערען אָרגאַניזירט א געזעלשאַפט פאַר פאַרזיכערען בהמות. אן התחלה אין דיזען באַצוג איז שוין געמאַכט געוואָרען אין גליל. מ'האָפט אז מ'וועט סוף כל סוף קענען פאַראייניגען די קאָלאָניסטען פון יהודה און גליל פאַר אלגעמיינע פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט.

דער דעפּאַרטמענט האָט אויך אַנגעהויבען זיך צו באשעפטיגען מיט'ן זאַמען געביעט. דער קלימאַט אין ארץ-ישראל איז אויסערגעוועהנליך פּאַסיג פאַר פאַרשידענע זאַמען: די וואַרימע לופט, די געצענגרע רעזולטאַטען פאַר זאַמען געביעט, גלענצענדע מאַס רעגען, פאַרזיכערען גלענצענדע. און ס'איז מעגליך צו ענטוויקלען דיזען געביעט אז מזאָל קענען צושטעלען זאַמען די שכנות'דיגע לענדער און די לענדער וועלכע זענען עהנליך צו ארץ ישראל אין קלימאַט אנזיכטען. דיזער געביעט קען מיט דער צייט ווערען א זעהר חשוב'ער צווייג אין די אגריקולטור ארבייט אין לאַנד.

דער דעפּאַרטמענט נעמט אויך שירטע אין ענטוויקלונג קאָנסערוען פון פרוכט און יקרות, אין אינדוסטריען וועלכע איז נויטווענדיג פאַר די פלאַנצונגען אין ארץ ישראל.

די פּאָגראָמען אין דרום רוסלאַנד.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט ביי דער באָרד דעפּוטים אין לאָנדאָן האָט באטראַכט פאַרשידענע באריכטען בנוגע די פּאָגראָמען אין אוקראַינא און דער דאָרטיגער טרויעריגער לאַגע.

צוליב דער געענדערטער מיליטערישער לאַגע אין דרום רוסלאַנד האָט זיך די אונטערזוכונג וואָס איז פאַרשפּראָכען געוואָרען דורך דער ענגלישער רעגירונג ארויסגעוויזען אלס אונפּראַקטיש און דער בריטישער פאַרטרעטער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ענגלאַנד.

דער קאָמיטעט, פילענדיג אז די שרעקליכע לייַדען פון די דרום רוסישע אידען מוזען באַקאַנט ווערען צו דער בריטישער באַפעלקערונג, האָט באשלאָסען צו בעטען דאָס אויסערליכע מיניסטעריום צו מאַכען אויספאָרשונגען צווישען די פליכטלינגע, וועלכע קומען אָן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פּאַלעסטינא און פאַר עפענטליכען דעם רעזולטאַט אויפ'ן זעלבען אופן ווי דאָס איז געטאָן געוואָרען אינ'ם פאַל פון די ארמענישע שחיטות.

ווען ער הינקט

דאָקטאָר — (צו א פרוי) נו, וואָס מאַכט אייער אלטער? האָט מיין מעדיצין געווירקט? הינקט ער שוין ניט מעהר?

פרוי — ער הינקט נאָך אלץ.

דאָקטאָר — הינקט ער אימער?

פרוי — נישט אימער; נור ווען ער געהט.

א רעדע געהאלטען ביי מר. הול

די רעטונג פון לאַנד איז אבהענגיג פון דער צוקונפטיגער נעישאַנאַל אדמיניסטראַציע, זייענדיג א ביזנעס-אישו האָט ערקלעהרט מר. וו. י. הול, דער מענעדזשער פון לאודען פּרעזידענט קאַמפּיין איבער מישיגען סטייט, אין דער רעדע וועלכער ער האָט געהאַלטען אין דעם דעטראיטער רעפּובליקאַן קלאַב דאָנערשטאָג. עס איז יעצט ניט קיין צייט פיר פאַנטאַסטישע אידעעס און אויך ניט קיין צייט פאַר מיליטערישע פיהרונגען פון דעם לאַנד האָט מר. הול געזאָגט.

„מיר גלויבען דאָס גאווערנאָר פרענק א. לאודען פון אילינאים סטייט וועט געבען דער נאציאָן אן ארענטליכע אדמיניסטריישאַן, ארונטערעבענדיג די „רעד-טייפּ". ער האָט פאַרקלענערט די טעקסעס פון אילינאים ביז 33 דריי פּערסענט פּערסענט אין (3) יאָהר און דערביי געסייווט דעם סטייט 8 מיליאָן פיר דער צייט.

גאווערנאָר לאודען רעדט אין דער דעטראיט אפּערא האוז אין די קעמפּוס זונטאָג צוועלף א זייגער בייטאָג און אין הע-אַרמאָרי לאַרנעד און בראש דעם זעלבען שבת אויף דער נאַכט 8 א זייגער.

אקלאַנד און אומגעגענד

זונטאָג דעם 21-טען מאַרטש 4 א זייגער בייטאָג וועט פּאַסקירען א מאַסמיטינג פון דער

היברו האָספּיטאַל אַסאָסיאיישאָן

אין דער אהבת אחים שול

קאָר. דאַלמער און וועסטמינסטער. עס וועלען ריידען די פאָלגענדע באַקאַנטע מטיפים

רבי האַרווין, רבי איישישקין, רבי תאומים רבי אייזמאַן און אנדערע.

קומט אין מאַסען קיינע קאָלעקשאַנס.

ספּרינג פעשאַן אויסשטעלונג

יעצטע פעשאַנס אין

ספּרינג דרעסעס

פיר פרויען און מיססעס

מאָדעלס פון טאַפעטא, סאַטין דושאַרדזשעט, טריקאָלעט, טריקאָטין, גרויסאַרטיגע קאָמבינייישאַנס מיט טרימינג וועלכע זיינען א נייס און אַנדערש ווי דאָס וואָס איהר האָט געזעהן ביז יעצט, קומט און איבערצייגט אייך.

ניי מאָדעס אין

ספּרינג סוטס

די אויסגעקליבענסטע סטיילס פון דעם סיזאָן, א פאַרשיעדענאַרטיגקייט פון וואַהרע און קאָלירען. קומט און באַטראַכט דאָס

SOL. SHAPIRO, Prop

איינענשאַפטליכקייט און סטייל אין

ספּרינג קאָוטס

פיר פרויען און מיססעס

א סעלעקשאַן, וועלכע ענטהאַלט ספּאָרט קאָוטס, און פּאָלאָ קלאָטה, סילווערטאָן, ענגליש מיקסטשורס באַליוויא און קאָווער קלאָטה, קומט צוזעהן.

האי גרייד עקסקלוזיוו

ספּרינג סקוירטס

באָקס פלידע- און טיילאָרד סטייל אויסערגעוועהנליכע וועליוס אין וואָל פּאָפּלין און סוירדזשעס מיט נעט, באַטאַנס, טרימט גוירדעלס און פּאָקעטס

די לופט פון פריהלינג אין אונזער אויסשטעלונג פון ווייסטען אין אלע קאָלירען סייזעס פון 38 ביז 56.

באַקאַנטמאַכענדיג די נייע ספּרינג קאָרסעטס

וועליוס וועלכע זיינען ווערטה מ'זאָל זיך דאָס גלייך ערוועריבען.

THE NEW-YORK CLOAK & SUIT HOUSE

Cor. Winder 440-442 HASTINGS ST. Cor. Winder

21 יאָהר אין די זעלבע ביזנעס

אונזער וואַרשעווער אָפיס צו אייער דיענסט

שיקט געלט

דורך מייל אָדער קייבל

צו אייערע פריינד און קרובים אין פּוילען און גאַליציען דורך דער אלטער בענקינג פירמא

גאָלדמאַן בראָס.

די געלד ווערט אויסגעצאָהלט אונטער דער פּערזענליכער איפּזיכט פון אונזער שותף, דוד גאָלדמאַן, וואָס געפינט זיך איצט אין וואַרשא

Goldman Bros

339 Hastinas St.

Detroit, Mich

וואַרשעווער אָפיס

Przejaxd No. 5

WARSAW. POLAND

21 יאָהר אין די זעלבע ביזנעס

אונזער וואַרשעווער אָפיס צו אייער דיענסט

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

פרייטאג, 19טער מארטש, 1920

א וויכטיגער דעטראיטער פרויען פעראיין

לכבוד דער „וואראפיען הויז א. ג. וואמען ועלפעיר ארגאניזיישאן אף דעטראיט“.

מיר וואלטען זעהר געוואלט, אז דער לעזער זאל איצט אויף א רגע זיך פארגעסען אז זיין „איך“ און זיך איבערטראגען אין דעם יאמער טאל פון דעם לאנד פון די הייקאמאקעס, און אריינטראכטען זאל ער זיך אין דער לאגע פון א געשענדעטער אידישער פרוי, אדער מיידעל.

זאל די דעטראיט'ער באלעבאסטע, וועלכע ציהרט זיך איצט מיט איה־רע דימענטען און שעהנע „ספרינג“ קליידער איצט איין רגע א טראכט טאן וועגען אט יענער אידישער מאמען, אדער אידישער טאכטער, וועלכע איז געשטראפט געווארען מיט דער שוידערליכער קללה אנגעגריפען צו ווערען פון א אוקראינער הייזמאק.

אין דער רגע, ווען די דאזיגע באלעבאסטע וועט קוקען אין שפיגעל און זיך אויסמושטירען מיט איהר גאלדענעם און דימענטענעם צירונג, זאל זי אין יענער רגע א טראכט טאן: און ווי וואלט געווען, ווען אזא אומגליק פאסירט מיט מיין בשר'ער בת יהודה, מיט מיין שוועסטער, מיט מיין — מאמען!

און זיכער אז אין יענער רגע וואלט די דעטראיט'ער באלעבאסטע, קוקענדיג אין שפיגעל, דערזעהן ווי איהר געזיכט ווערט ווי קרייד ווייס און איהר גאנץ וועזען וואלט אין טויט שרעק געציטערט און געפלאטערט.

און זיכער אז דער דעטראיט'ער באלעבאס, ווען ער זאל זיך פאר־טראכטען, אז אזא אומגליק האט געטראפען מיט זיין טאכטער, זיין שוועס־טער אדער פרוי, וואלט וואלד געווארען פון יעהטאג און ער וואלט פון כעס געקענט עפעס הערארישעס אויפטאן.

און צי קען דען א דעטראיט'ער איד, וואס האט קרובים אין אוקרא־אינע זיכער זיין, אז אזא אומגליק האט נישט געטראפען מיט זיין שוועס־טער, מיט זיין קרובה, אדער מיט זיין ווייטע קרובה?

און צי ווייס דען די היגע אידישע באלעבאסטע, אז אין איהר משפחה איז נישטא אזא אומגליקליכע, צעפראטענע?

ווי עס וואלט מיט פייערדיגע אותיות איינגעשניטען געווארען אין מח, געדענקט זיך די ווארנונג פון דעם אוקראינער עסקן, אדוואקאט גאלד־שטיין, וועלכער האט אין פוילען א באריכט אפגעגעבען וועגען דער אידי־שער לאגע אין אוקראינע. ער האט צווישען אנדערעס געזאגט: „פרויען, וועלכע זיינען אויף א שענדליכען אופן אנגעגריפען געווארען פון הוליגא־נעס און וועלכע טראגען אונטער זייער הארצען די פריכט פון דיעזער בעס־טיאליטעט — אזעלכע פרויען צעהלען ביי אידען אין די צעהנדליגע טויזענ־דער אין שטאדט און אין שטעדטעל“...

דאס אידישע אוקראינע, וועלכעס איז דורכגעגאנגען שבעה מדורי גיהנום, וואס האט יעדע רגע געקוקט א פחדים'דיגען טויט אין די אויגען אריין — דאס אומגליקליכע אידישע אוקראינע, וואס איז בושטעפליך חרוב ונחרב געווארען און פון וועלכען די בעסטע זיהן זיינען צעמאהלען געווארען צווישען די בלוטיגע נעגעל פון די במעלניצקים און גאנטאס פונם צוואנציגסטען יאהר הונדערט — דאס אידישע אוקראינע, וואס האט זיך געמוזט צעלייפען אין די פעלדער און אין די וועלדער און גריזשעןי ווי די חיות, די קארע פון די ביימער — אט דאס אוקראינע וועט נאך דעם חורבן, ערשט דערזעהן דעם נייעם חורבן פון די צעהנדליגע טויזענדער פרויען און מיידלעך וואס זיינען געפאלען קרבנות פון דער אוקראינער בעסטיע.

און עס איז נישטא דער טראגיקער, וואס זאל אימשטאנדע זיין אפ־צומאהלען דאס שוידערליכע בילד, און שילדערען די בלוט פארגליווערענדע טראגעדיע פון דער געשענדעטער אידישער טאכטער.

און דאך האט מען נאך ביז איצט נישט א טראכט געטאן אפילו וועגען דעם גורל פון אט דיעזע צעהנדליגע טויזענדער אידישע קרבנות.

מען האט נישט א טראכט געטאן? — ניין, דאס איז נישט גאנץ ריכטיג.

וואריום אייגענטליך עקזיסטירט דא אין דעטראיט א פרויען פאראיין, וואס האט צווישען אנדערע אויך דעם צוועק צו טאן עטוואס לטובת אט דיזע פאראומגליקטע.

דער היגער פאראיין, מיט דעם מאדנע גרויסען נאמען „דהי יוראפיען דזשואיש וואמען וועלפעיר ארגאניזיישאן אף דעטראיט“ פאווענט זיך אבער זעהר שווער. עס זעהט אויס, אז די היגע פרויען האבען נאך אלין נישט באגריפען די ערנסטקייט פון דעם מאמענט, וואס עס לעבט איצט אי־בער די גאנצע אידישע נאציאן; זיי האבען נאך אלין נישט באגריפען דעם פאקט, אז די פרוי פון היינט האט אייגעהערט צו שפיעלען די ראלע פון א ליאלקע, אדער פון א קעכין, וואס האט רק אינזונען זיך אליין און אז זי איז מחויב, גלייך מיט'ן מאן טעטיג זיין אין אזעלכע געזעלשאפטליכע אר־בייטען; וואו דער מאן קען טעטיג נישט זיין.

אפילו דער פאראיין גופא, וואס האט שוין א היפש ביסעל מיטגליע־דער ציהרט זיך נאך אויך; מיר באטראכטען פאר א ציהרונג די ענגלישע פאסטקארטלעך, ענגלישע פראגראמען א. ד. ג. זיי געהען זעהר פארזיכטיג ארויס פון זייער ראלע צו וועלכער מען האט איינגעזעהגט די אידישע פרוי.

עס מוז אבער דערצו און ענדע מאכען דער דאזיגער פרויען פאראיין; ער מוז אמשטעלסטען ארייננעהמען אין זיין רייהע אלע פרויען, וועמען עס טוט וועה דאס הארץ אויף דעם שרעקליכען גורל פון דער אידישער פרוי אין די בלוטיגע לענדער און אלע ווי איינע דארפען זיי ערנסט זיך פאר־טראכטען ווי אזוי צו רעטען די צעהנדליגע טויזענדער פאראומגליקטע.

ווי אזוי צו העלפען, און וואס צו טאן פריהער, און ווי אזוי צו אינגא־ניזירען די הילף, און ווי אזוי גרייט צו זיין מיט דער הילף — דאס דארף זיי־ער ערשטע ארגאניזאציאנס ארבייט זיין.

זיי דארפען אויך אפטער לאזען הערען פון זייער טעטיגקייט, ארבייט און צילען; זיי דארפען אין זייער ארגאניזאציע ארייננעהמען יעדע אי־דישע פרוי, וואס פיהלט מיט דעם אומגליק און גרויסען בראך פון אידישען פאלק.

שפריצען

א נייער הערינג

פראפעסאר לעטמארק פון סאן פראנציסקא איז ארויס מיט א סענסאציאנעלער ערקלעהרונג, אז הערינג איז איינע פון די געזונטסטע שפייזען.

ווער קען נאך איצט צווייפלען, אז דער פראפעסאר איז א ליטוואק?

* * *

א טרייסט פון נארד־פאל

עס האט זיך שוין אוועקגעלאזט א נייע עקספעדיציע צום נארד־פאל. אין דער הויפט פון דער עקספעדיציע איז דער אידישער געלעהרטער, דר. איזידאר שטיינער.

אויב דר. שטיינער וועט נישט באגעגענען קיין שטיינער אין וועג, וועלען מיר איהם זעהר דאנקבאר זיין, ווען ער וועט גיין פון די האלטע מקומות ברענגען די סקיצע, אז באטש אויפ'ן נארד־פאל זעהט נאך נישט געווען קיין פאגראמען אויף אידען.

* * *

אינאפיציעל

פון די פארשידענע באהרד אוו העלטס אין פארשידענע שטעדט ערקלעהרט מען, די אינפלוענציע איז נייראניע פאר אפיציעל געענדיגט.

אינאפיציעל, הייסט עס, מעגען מיר דרענקען...

* * *

רפואה פאר דעטראיט'ער

די שיפינג־באארד פון וואשינגטאן וועט די טעג פארקויפען עטליכע אין דרייסיג שיפען.

איצט, אז עס איז אזוי שווער צו קריגען וואוינונגען אין דעטראיט, וואלט אפשר א יושר געווען זיך צו באזעצען אויף די שיפען?

דאס וואלט אפשר אויך געגעבען א טויט־קלאפ דעם יקרות. ווייל זיצענדיג אין די שיפען, וואלטען מיר זיך געכאפט פיש און זיי באזאלצען מיט ים־וואסער...

* * *

פון דער ווייבער־קאנווענשאן

אונזער געהיימער מאנסבילישער קארעספאנדענט אויף דער קאנווענשאן פון די סאפראזשעטקעס אין שיקאגא, טיילט אונז מיט פאלגענדע רעזאלוציעס, וואס די ווייבער האבען אנגענומען.

1. יעדע פרוי זאל האבען א רעכט צו שטימען, אז — דער מאן זאל וואשען די „דישעס“ און סקראבען די פלאר.

2. די מענער זאלען ארבייטען, קאכען, באקען, און זיי, די ווייבער זאלען — אויסנעהן.

3. די מענער זאלען נישט טארען אויסלערנען די הייזנקעשענעס פון די ווייבער בעת יענע וועלען שלאפען.

4. די ווייבער — — — גוואלד, אידען, זיין פליגיות'טע איז אנגעקומען און זי וועט מיך...

* * *

לא תרצח!

פראנקרייך סטראשעט, אז זי וועט באנייען די בלאקאדע געגען דייטשלאנד, אויב דייטשלאנד וועט איהר נישט צושטעלען אזוי פיעל קוילען וויפיעל זי האט זיך פארפליכטעט.

היינט, הורים, פערד און איצט ווידער קוילען. כ'האב מורא אז די קוילען וועלען קוילען די קינד מיט די הורים, אס פראנקרייך פאדערט פון דייטשלאנד...

* * *

איצט איז פארשטענדליך

עס ווייזט זיך ארויס — אויב מ'זאל גלייבען דעם קארעספאנדענט — אז ווילסאן איז א וועגעטאריאנער.

איצט איז פארשטענדליך פארוואס ער האט געוואלט פארכאפען די גאנצע ערד פון דער וועלט. אז א מענש עסט נישט קיין לעבעדיגע זאכען, מוז ער דאך כאטש קייען ערד.

* * *

א נייע יוניאן

ווילסאן האט געסעקט זיין ארבייטער ראבערט לענסינג — און עס קעהרט זיך א וועלט.

וואלט אבער לאנסינג באלאנגט צו א יוניאן, וואלט איהם דער באס נישט געקענט ארויסווארפען ווען איהם פארגלוסט זיך.

„מיניסטארען אלע לענדער — פאראייניגט אייך!“...

* * *

אויך א פאלק

ווינסטאן טשורטשיל, דער ענגלישער קריעגס־מיניסטער, האט לעצטענס ערקלעהרט, אז די ארבייטער זענען אומפעהיג צו רעגירען דאס פאלק.

ווער זשע איז דאס פאלק? — מסתמא די ארימע לארדען, נעבאך!

די הויז פראגע אין דעטראיט

באארבייט פון ד. ראוויטש

וואס זיינען די פראדוקציאנס־אויסזיכטען פאר דעטראיט אין פארלויף פון'ם יאהר 1920?

עס איז קיין ספק ניט, אז די אויסזיכטען זיינען דא בעסערע ווי אין אנדערע שטעט פון די פאראייניגטע שטאטען. אבער עס זיינען פאראן געוויסע פראבלעמען, וועלכע דעטראיטער מאנופעקטשורערס וועלען האבען צו באגעגענען — פראבלעמען אזעלכע, וואס וועלען פאדערען א זאפארטיגע לעזונג. דאס זיינען: די רויהע מאטעריאלען פראבלעם; די טראנספארטאציאנס־פראבלעם, וואס איז ארויסגעקומען פון דעם אומאויפהערליך שטייגענדען אייזענבאהן־מאנגעל; די ארבייטער פראבלעם און — די הויז־פראבלעם.

און אזוי ווי די טענדענץ פון אט דעם ארטיקעל איז צו באהאנדלען אין קורצען די ארבייטער סיטואציע אין דעטראיט היינטיגען יאהר, אין פארגלייך מיט לעצטען יאהר, און איהר ווירקונג אויף אונזער פראדוקציאן אין דער נאהענטער צוקונפט — וועלען מיר דארום די ערשטע צוויי פראגען אפּפטור'ן מיט א פאר באהויפטונגען און מיר וועלען גלייך איבערגעהן צו די לעצטע.

קאמערציעלע באריכטען ציינען, אז דער מארקעט פון רויהע מאטעריאלען איז היינטיגעס יאהר אין א פיעל שווערער לאגע ווי אירגענד ווען פריהער. דער „סופלאי“ איז א קלענערער און די פרייזען זיינען העכערע. פיעלע נעהמען מיט דער סברא, אז די שטשארישקע אקטיוויטעט פון די ארבייטער יוניאנס וואס דריקט זיך אויס אין דעם אומאויפהערליכען קאמף פאר גרעסערע שכירות, האט פיעל בייגעטראגען צו די גרויסע פרייזען און דער פארמינדערונג פון פראדוקציאן.

עס איז שווער ארויסצוקומען מיט א באשטימטער פאראויסזאגונג אין דער פראגע פון טראנספארטאציע, ווייל עס איז ערשט ניט לאנג זינט די אייזענבאהנען זיינען איבערגעגאנגען צוריק אין פריוואטע הענד. עס איז אונזער מיינונג, אז טראנספארטאציע וועט זיך פיעל פארבעסערען, א דאנק דעם, וואס די אייזענבאהנען זיינען ארויס פון רעגירונגס־קאנטראל, און די אייזענבאהנען מאגנאטען וועלען זיך באמיהען צו אויספיינען זיך. מיר קענען אבער ניט אוועקנעהמען פון דעם פאקט, אז ביי איצטיגע מאמענט איז די אייזענבאהן סיסטעם פון לאנד גאר ניט מהודר'דיג. אלס רעזולטאט פון די עטליכע יאהר רעגירונגס־פארוואלטונג, אדער בעסער געזאגט — אלס רעזולטאט פון דער שלעכטער פארוואלטונג פון פריהער און פון דער צייט וואס די רעגירונג האט געהאלטען די באהנען אונטער איהר קאנטראל. עס איז זיכער, אז עס דארף נעהמען צייט, ביז די באהנען וועלען קענען קומען צו זייער נארמאלען צושטאנד. אלענפאלס, קען מען ניט ערווארטען קיין גרויסע פארבעסערונג אין דער נאהענטער צוקונפט.

די ארבייטער־פראבלעם אין דעטראיט, איז פיעל קאמפליצירטער ווי אין אנדערע אמעריקאנער שטעט. דער פארלאנג פאר ארבייטער איז דא אומגעהייער גרויס און אין פיעלע טריידס פיהלט זיך א היבשער מאנגעל אין ארבייטער.

אין די מאנאטען יאנואר און פעברואר פון יאהר 1919 איז די ארבייטער־סיטואציע אין דעטראיט געווען א גאנץ אנדערע ווי די היינטיגע יאהר. ציפערען פון א צוזאמענגעשטעלטער ליסטע פון הונדערט גרעסטע דעטראיטער פעקטארים, ווייזען, אז דרייצעהן טויזענד ארבייטער זיינען געווען ארבייטסלאז. פארגלייכענדיג דאס מיט דער סיטואציע אין יאנואר און פעברואר 1920, געפינען מיר אויס, אז די זעלבע פירמען באשעפטיגען יעצט מיט 5,000 ארבייטער מעהר ווי לעצטען יאהר. עס וואלט דארום געווען א גאנץ קאנסערוואטיווער רעכנונג ווען מיר וועלען באהויפטען, אז דער פארלאנג פאר ארבייטער איז היינטיגס יאהר מיט 30 פראצענט גרעסער ווי לעצטען יאהר.

ארבייטער־לוין (וויידזשעס) איז אונגעהייער געשטיגען. עס איז די אנגענומענע מיינונג, אז דער יקרות איז פאראנטווארטליך פאר'ן הויכען פרייז פון ארבייט. אבער עס איז אויך אמת, אז דער הויכער קאסט פון ארבייט האט פיעל בייגעטראגען צום יקרות. לייבארערס־וויידזשעס האבען זיך פארגרעסערט אויף 30 פראצענט אין פארגלייך מיט לעצטען יאהר; פאכמענער־וויידזשעס האבען זיך אין מאנכע פעלע פארגרעסערט נאך מעהר ווי אויף 30 פראצענט. אבער אין אלגעמיין גענומען האבען זיך די שכירות פון פאכמענער, אדער פאכפרויען ניט פארגרעסערט אפילו אויף 20 פראצענט, אין פארגלייך מיט לעצטען יאהר. עס וועט דארום זיין ריכטיג צו באהויפטען אז וויידזשעס פון פאכמענער האבען היינטיגס יאהר געשטיגען אויף 15 פראצענט.

דאס איז אין קורצען די ארבייטער־לאגע אין דעטראיט, וואס אנבאלאנגט שכירות. אבער פיעל שווערער איז די פראגע פון א גענוגענדען ארבייטער־„סופלאי“. דער פארלאנג פאר ארבייטער איז, ווי שוין געזאגט, זעהר גרויס. אבער דא קומט אריין די „הויז־פראגע“, וועלכע איז שטארק פארוויקעלט מיט דער ארבייטער־פראגע.

אין מאנכ'ן אמעריקאנער שטעט איז דא א היבשער איבערפלוס פון ארבייטער, וועלכע וואלטען לייכט געקענט געפינען ארבייט אין דעטראיט. אבער אין דעטראיט איז ניטא קיין הייזער פאר נאך מענשען. דזשאבס זיינען דא פאראן איבערגענוג, די שכירות זיינען גוטע, אבער ס'איז ניט אזוי לייכט פאר א נייעם מענשען צו געפינען א הויז אין דעטראיט. קיין ארבייטער, וואס האט א פאמיליע, וועט אויף זיך ניט נעהמען די ריזיקע זיך אריבערצוקלייבען אהער, ווייל ער זעהט א געפאהר צו בלייבען מיט זיין פאמיליע אין דרויסען. די ארבייטער־באפעלקערונג אין דעטראיט האט זיך לעצטען יאהר פארגרעסערט וועניגסטענס מיט 40,000 פערזאן. נאטירליך איז אויך די לעצטע יאהרען אנגעגאנגען א שנעלער פראצעס אין דער בויאונג פון הייזער. אבער ווען מען פארגלייכט די צוגעקומענע צאהל הייזער מיט דער צוגעקומענער צאהל מענשען, געפינט מען אויס, אז נאר גאט ווייס, וואו מאנכע מענשען טוען זיך דא אהין. אויב פאמיליעס שלאפען ניט אין דרויסען, איז עס טאקע נאר נסים ונפלאות.

די הויז־פראבלעם איז איצט די וויכטיגסטע אין דעטראיט. טראנספארטאציאן וועט זיך האפענטליך פארבעסערען; רויהע מאטעריאלען וועלען אפשר צוקומען; שטעלענדיג הויכע פרייזען, וועלען מאנופעקטשורערס אפנעהמען זייערס, פאר די גרויסע ארבייטער־שכירות. אבער שלאפען אין דרויסען איז אוממעגליך. דער גרויסער פארלאנג פאר הייזער, וועלכע מיר האבען ניט, און די הימעל־הויכע רענט פאר די וואס מיר האבען יא — פארבלאקירט פאקטיש די גאנצע „גיים“. דערפון קומט ארויס דער מאנגעל אין ארבייטער, דער מאנגעל אין פראדוקציאן און דאס גאנצע אינדוסטריעלע לעבען פון דעטראיט ווערט דערביי אינדירעקט אנגעריהרט.

א מעשה מיט א פרויען זייגערל

פון ר' ברוך'ל.

די דאזיגע מעשה, וואס איך געה איך איצט דערצעהלען, טראגט א קאמיש־טראגישען כאראקטער.

קאמיש איז די מעשה מיט דעם, ווייל איהר וועט זי לעזען.

געטראפען האט די מעשה מיט מיר אין יענע באריהמטע צייטען, ווען איך האב בלויז געלעבט פון גמילת חסדים'לאך.

איין מאל זייענדיג מיעד פון ארומיאגען זיך דעם גאנצען טאג נאך א גמילת חסד'ל, בין איך אין אוועק אין א נאהענטען פארק זיך אביסעל אפרוהען.

אין פארק האב איך זיך אויסגעזעצט אויף א ליידיגער באנק, וועלכע איז געשטאנען אונטער אן אלטען בוים מיט צעשפרייטע צווייגען. ווי איך האב זיך נאר אוועקגעזעצט, האט פאר מיינע אויגען א בלישצע געטאן, און איך האב נעבען מיר, אויף דער ערד, דערזעהן א קליין גאלדען פרויען זייגערל. איך האב עס שנעל אויפגעהויבען, אריינגעלעגט דאס זייגערל אין קעשענע און מיט שנעלע טריט ארויס פון פארק.

דער געדאנק, אז דאס זייגערל וועט מיר העלפען צו באצאהלען דירה־געלט און אויך א ביסעל צו איזאדארא דאנקאן, האט מיך אזוי פרעהליך געמאכט, אז מיין הארץ איז שיער ניט ארויסגעשפרונגען פאר פרייד.

שפאצירענדיג א גליקליכער מיט מיין זייגערל איבער די גאסען, איז מיין בליק געפאלען אויף א „פאן־שאפ“. ווי א מאגנעט האט עס מיך א ציה געטאן. איך האב זיך אפגעשטעלט און איינגעגראבען מיין קאפ אין דעם גרויסען פענסטער, וואו עס איז געווען אויסגעשטעלט זייערע צירונג, מעהרסטען, אבער, האבען מיינע אויגען דאן געקוקט אויף די אנדערע פרויען־זייגערלאך, וועלכע זענען געהאנגען אויף א דינעם דראט.

באטראכטענדיג גוט די זייגערלאך און זייערע הויכע פרייזען, האב איך אויך מיין געפונענעם זייגערל ארויסגענומען און עס אנגעהויבען צו באטראכטען צום ערשטען מאל. ווען איך האב אויפגעפענט דאס אונטערשטע דעקעל און זיך איבערצייגט, אז דאס איז טאקע 14 קעראט גאלד, איז מיר נאך פרעהליכער געווארען. ווען איך האב אבער אויפגעפענט דאס אויבערשטע דעקעל זעהן, צי דאס ציפער בלעטעל איז גאנץ, איז מיין פרעהליכקייט מיט אמאל פארשוואונדען. איך האב דערזעהן א בילדעל פון א יונגען מאן צוגעקלעפט צום דעקעל מיט פאלגענדען אויפשריפט: „איך שענק דיר דאס גאלדענע זייגערל, מיין טהייערע אלס צייכען פון איבערגעבענהייט און טרייהייט“!

אין דעם אינספעציגענעם פנים פון דעם יונגען מאן און די אומעטיגע אויגען, וועלכע האבען ארויסגעקוקט פון דעם קליינעם בילדעל, האב איך דערקענט, אז ער מוז זיין אן אפערייטאר אדער גאר א חתן...

דאס בילדעל און דער אויפשריפט האבען אויף מיר אנגעווארפען אזא גרויסען אומעט און שרעק, דאס איך האב דעם זייגערל גלייך אריינגעלעגט אין קעשענע און בין שנעל אוועק פון „פאן־שאפ“.

— ניין, אזא פארברעכען טאר א דיכטער ניט באגעהן. א יונגער דיכטער דארף זיין ערליכער פון יעדען אויגעם. זאל געשעהן וואס עס דארף געשעהן. אבער איך וועל דעם זייגערל ניט פארזעצען! — האב איך צו מיר אליין געזאגט.

אט אזוי טראכטענדיג האב איך פעסט באשלאסען אריינצוגעהן אין סטיישאן־הויז און איבערגעבען מיין געפונענעם זייגערל און זאלען די גוים זעהן, ווי ערליך די אידישע דיכטער זיינען.

ווען איך בין אריין אין סטיישאן־הויז, האט מיך א ברייטער בייגערדיגער אירלאנדער פאליסמאן, וואס איז געזעסען ביי א שרייבטיש, מיט שטאכעטען ארומגעצאמט, שטרענג א פרעג געטאן וואס איך וויל.

— איך האב געפונען א גאלדען פרויען זייגערל — האב איך שטאלץ געענטפערט.

— האסט דאס זייגערל ביי זיך?

— יעס!

— גיב דאס אהער!

איך האב דאס איהם דערלאנגט.

ער האט דאס זייגערל באטראכט פון אלע זייטען, אפמעסטענדיג מיך פון קאפ ביז די פיס.

— וואו האסטו דאס געפונען? — האט ער מיך בייז א פרעג געטאן, ווארפענדיג אויף מיר א פארדעכטיגען בליק.

— אין דזשעקסאן פארק.

— אויף דער ערד, אויף א באנק, צי גאר ביי יענעם אין קעשענע?

— אויף דער ערד.

— דוכט זיך, אז פאר גאלדענע זייגערלאך איז אויף דער ערד גאר ניט אזא פאסענדער פלאץ.

— איך ערלויב זיך אייך צו באמערקען, דאס..

— ערלויב זיך גאר ניט אזוי פיעל. דו ביסט ניט אין דזשעקסאן פארק — האט ער מיר מיט כעס איבערגעשלאגען.

— זאג מיר בעסער ווי מען רופט דיך?

איך האב געזאגט מיין נאמען און מיין פאמיליע.

— ביסטו א סיטיזען?

— ניין, איך בין א יונגער דיכטער.

— דיין באשעפטיגונג?

— איך שרייב לידער.

— און פון דאס מאכסטו א לעבען?

— גאט באהיט!

— פון וואס דען?

— אט, ביי יענעם בארגט מען און ביי יענעם לייט מען, און אט אזוי שלאגט מען זיך דורך. איהר ווייסט דאך.

— וואו וואהנסטו?

— אט, מען וואהנט וואו עס מאכט זיך. א גאנצע נאכט דרייצט מען אין קאפעיאון בייטאג כאפט מען א דרימעל אין לייברערי.

— אין דער לייברערי איז דאך ניט ערלויבט צו שלאפען!

— גיט מען זיך אן עצה. מען זעצט זיך אוועק ביי א טישעל, מיט א בוך, מען טהוט אן א פאר בלויע ברילען, און דורך די בלויע ברילען זעהט מען ניט, צי מען האלט פארמאכט די אויגען.

— ביסט אל־רייט — האט ער ארויסגעברומט, און האט מיר אנגעהויבען שטעלען פראגען:

— און וואס פאר א צייט האסטו געפונען דאס זייגערל?

— ארום ניין אווענט.

— וואס האסטו דאן געטאן אין פארק?

— איך האב דאן געווארט פאר מיין געליעבטער.

— מיט וואס באשעפטיגט זיך דיין געליעבטע?

— מיט לעזען מיינע לידער.

— ווי אלט איז זי?

— דאס האב איך קיינמאל ניט געקענט דערגעהן.

ער איז אויפגעשפרונגען, מיר אויסגעטאן די ברילען און מיר דערלאנגט א געזעצליכען קלאפ אין נאז און געהייסען א צווייטען פאליסמאן מיך באזוכען.

א חוץ מאנוסקריפטען האט מען ביי מיר גארניט געפונען.

— וואס איז דאס? — האט ער מיך מיט כעס א פרעג געטאן, אנצייגענדיג אויפ'ן פעקעל מאנוסקריפטען.

— דאס איז א נייע סעריע לידער.

— וואו האסטו זיי גע'גנב'עט?

— איך האב זיי ניט גע'גנב'עט, זיי זיינען מיינע אייגענע.

ער האט מיר שוין דאס מאל דערלאנגט אן אונגעזעצליכען קלאפ. (איך זאג אונגעזעצליך, ווייל ער האט דאס מאל מיינע ברילען ניט אראפגענומען), און מיך געהייסען פארשפארען.

און אט אזוי האב איך אפגעזעסעסטערט זעקס מאנאטען אין תפיסה איבער אן אונשולדיג פרויען זייגערל.

אנטיסעמיטישע אגיטאציע אין רוסלאנד

לויט ווי „דאלניעוואסטאטשנאיע אבאזרעניע“ שרייבט האבען די אנטיסעמיטען אין רוסלאנד לעצטענס אויסגעפונען א נייעם וועג ווי אזוי אנצופיהרען זייער אידען־העצערישע פראפאגאנדע. די באפעלקערונג אין אמסק האט. פארצוצט דאס פאפירען־געלט מיט לאנגע פאפירלעך, וועלכע טראגען אויף איין זייט די אויפשריפט „גאט באשיץ דעם צאר“ און אויף דער אנדערער „הרג'עט די אידען, זאלען מיר רעטען רוסלאנד“.

דער דאזיגער נייער איינפאל איז צום באדויערען נישט באגרענעצט בלויז צו רוסלאנד. ווי דאס לאנדאנער איד. קאר. ביוראָ ווערט געוואהר פון וויען ווערט דער זעלבער אויפטו פראקטיצירט אויך דארט.

די פוילישע רעגירונג און מארגענטהאו'ס באריכט

א וויענער קארעספאנדענץ טעלעגראפירט, אז מארגענטהאו'ס באריכט האט ארויסגערופען הייסע ויכוחים אין'ם פוילישען אויסערן־מיניסטעריום. עס איז אויסגעדריקט געווארען די מיינונג, אז אין די אינטערעסען פון דער אויסערליכער פאליטיק איז נויטיג א פריינדליכע און פרידליכע שטעלונג צו די אידען.

עס איז דעריבער באשלאסען געווארען צו באאיינפלוסען די אנדערע מיניסטארען אין דער ריכטונג.

100 דאל. געזאמעלט פאר קאפאינארד'ער מלחמה קרבנות

אין ווינדאט, מיש. איז אויף א פארטי ביי מר. לואיס רייסמאן, פון 135 פיין סט. געזאמעלט געווארען די סומע פון $100 פאר די מלחמה קרבנות די פון קאפאינארד, פאראליע.

דאס געלט געפינט זיך ביי מר. מרדכי גלוזמאן, 640 בוביען סט.

די רעוואלוציע אין דייטשלאנד לויט די פאריזער צייטונגען

ניט אכטענדיג דערויף וואס יעדער איינער האט מיט שרעק זיך צוגעקוקט אויף דער זיך פארשטארקענדער רעאקציע אין דייטשלאנד, ניט קוקענדיג דערויף וואס פון טאג צו טאג האבען זיך געלאזט הערען די רעאקציאנע שטימען פון די יונקערס און זייערע אגיטאציעס פאר א מאנארכיע און אין זייערע הענטס געגען אידען (דער בעסטער סימן פון אן אנקומענדער רעאקציע), איז די רעוואלוציע אין דייטשלאנד דאך געקומען ווי אן איבערראשונג.

די ערשטע נייעס פון דער רעוואלוציע איז אנגעקומען אין פאריז. פאריז האט געקראגען די נייעס שבת מיטאג צייט. אין א פאר מינוט ארום זענען שוין די צייטונגען ארויס מיט עקסטראס: רעוואלוציע אין דייטשלאנד.

אט ווי עס ווערט באשריבען די נייעס וועגען דער רעוואלוציע און די קאמענטארען איבער דער געשעהעניש אין די פאריזער צייטונגען:

פארטיידיגונגס מיניסטער נאסקע האט פרייטאג נאכט פארעפענטליכט א נאטע דאס ער האט ענטדעקט א פארשווערונג פון די דייטשע מאנארכיסטען, צו שטירצען די רעגירונג גלייך ווי די נאטע איז פארעפענטליכט געווארען זיינען צוויי שלוחים פון די יונקערס, גענעראל פאן אלדענהאוזען און גענעראל פאן אווען, געקומען צו נאסקען פארהאנדלען וועגען דעם די רעגירונג זאל איבערגעבען די מאכט.

די צוויי גענעראלען האבען געפאדערט דאס דער קאבינעט זאל רעזיגנירען, בלויז פארטיידיגונגס מיניסטער נאסקע און קאנצלער באוער זאלען פארבלייבען אין מאכט. די פארהאנדלונגען האבען אבער צו גאר גיך געפיהרט און 4:30 אין דער פריה זענען פאן דער גאלץ'ס בריגאדעס אריין אין בערלין. זעקס א זייגער זענען זיי צו צו דער רייכסטאג געביידע און פארנומען די געביידע ווי אויך די ווילהעלם שטראסע.

דאס רייכסוועהר האט ניט ארויסגעוויזען קיין ווידערשטאנד און קיינע צוזאמענשטויסען. בלוט פארגיסונגען זענען ניט פארגעקומען. שפעטער איז געווען געמאלדען אז דאס רייכס-וועהר איז איבערגעגאנגען צו דער נייער רעגירונג.

דר. וואלפגאנג קאפ, וועלכער איז גע-בוירען געווארען אין אמעריקא, און גענעראל ליוטוויץ, האבען דאן ארויס-געגעבען א מאניפעסט דאס די רעגירונג איז איבערגענומען, און אז דאס מיינט ניט א צוריקקעהר צו די רעאקציע, נאר פארקעהרט, זיי זענען א פראגרעסיווע רעגירונג. די נאציאנאלע פאר-זאמלונג, האבען זיי ערקלערט, אלס ניט פונקציאנירענד, און אייניגע מיט-גלידער פון דער עבערט רעגירונג זענען ארעסטירט געווארען.

פולער טעקסט פון דעם מאני-פעסט פון די קאנטער רעוואלוציאנערען

„די שטירצונג פון דער עבערט רע-גירונג מוז ניט באטראכט ווערען אלס רעאקציאנער שריט דאס איז א פראגרעסיווער שריט פון פאטריאטישע דייטשען פון אלע פארטייען מיט דער אבזיכט ווידער צו עטאבלירען געזעץ און ארדנונג, דיסציפלין און ארענטליכע רעגירונג אין דייטשלאנד.

„דאס איז א פארזוך וועלכער האט שוין לאנג געדארפט געמאכט ווערען צו לעגען דעם פונדאמענט פאר אן עקאנא-מישער אויפלעבונג פון דייטשלאנד, אום זי זאל קענען נאכקומען די פרידענס באַ-דינגונגען פון ווערסאיל וועלכע זענען מעסיג און ניט זעלבסט צושטערענד.

„געפיהרט פון דעם דראנג און פאר-לאנג לטובת דעם גאנצען דייטשען פאלק האבען זיי (די קאנטער רעוואלו-ציאנערען) איינגעלאדען און נעמען אן מיט צופרידענהייט די קאאפעראציע פון די אומאפהענגיגע אום צו שאפען און דורכפיהרען געזעצען פאר'ן בעסטען פון דעם ארבייטער קלאס.

„ניט דייטשלאנד, ניט אייראפא קען עקזיסטירען אונטער די איצטיגע אומ-שטענדען. די רעגירונג, וועלכע איז איצט גליקליכער-ווייזע געשטירצט גע-ווארען, האט ארויפגעלעגט שווערע משאות אויף אונזער פאלק מיט שווערע טעקסעס, זי האט אבער ניט באוויזען צו שאפען מיטלען צו א פארגרעסערטע פראדוקציע.

„אונטער דעם מאנטעל פון פאר-פיה-רערישע ווערטער און פראזען האבען די מיטגלידער פון עבערט קאבינעט איינגעפיהרט א רעאקציאנערע רעגירונג. זיי האבען פראקלאמירט פערזענליכע פרייהייט און ארעסטירט יערען פאליטישען געגנער. זיי האבען הויך פראקלא-מירט אז די רעפובליק איז און מוז זיין א פאלקס רעגירונג און דאך האבען זיי זיך ענטזאגט אויפצולעזען די נאציא-נאלע פארזאמלונג. און צו אלערלעצט, א רעגירונג וועמעס הויפט פינור איז א מאן ווי ערצבערגער, מוז געשטירצט ווערען.

„אונזער פאלק קרעכצט אונטער דער משא פון די אומערטרעגליכע צושטענ-דען. די הויכע פרייזען אויף לעבענס-מיטלען און די שווערינקייט צו קריגען שפייז, האבען געשאפען אזא אומא-רענטליכען האנדעל, וועלכען מ'קען קוים באגרייפען אין אויסלאנד. מיר זענען אויף דער שוועל פון אן עקאנאמישען און מאראלישען צוזאמענברוך.

„אויב די וועלט איז ווירקליך אי-בערצייגט דאס דייטשלאנד מוז עקאנא-מיש ווידער אויפגעבויט ווערען — און אז דאס איז אזוי האט מען אונז פאר-זיכערט — דאן וועלען די אנדערע פעלקער באגריסען דאס אויפשטעלען פון א נייער ארענטליכער רעגירונג אויף דעם פלאץ פון דער אומארענטלי-כער.

„מעגען אבער די אנדערע פעלקער רעכענען ווי זיי ווילען, דאס שאפען א נייע רעגירונג איז דורכאויס אן אינער-ליכע און דייטשע אנגעלעגענהייט און האט בלויז צו טאן מיט'ן דייטשען פאלק. צו דערזעלבער צייט אבער, אנערקענען מיר דאס פ-עמדע לענדער האבען א לעבעדיגען אינטערעס ניט צו האבען אין דייטשלאנד אזא רעגי-רונג וועלכע זאל אויף אירגענד וועלכען אופן שטערען דעם וועלט שלום אין עגפאהר.

„די איצטיגע רעגירונג באצוועקט אויפצוהאלטען דעם אינערליכען און אויסערליכען פרידען, און אויסצומיידען די אלע טעותן פון דער פארגאנגענהייט, אויך וויל זי זיך ניט אומקעהרען צו די מעטאדען פון דער רעגירונג וועלכע איז איצט גליקליכערווייזע ארונטערגע-זעצט געווארען".

אונטערשריבען פון „וואלפגאנג פאן קאפ, רייכס קאנצלער און פרעמיער פון פרייסען".

עבערט מיט זיין פרוי און קינדער זענען אנטלאפען אין דרעזדען. איידער ער איז אנטלאפען, האט ער ארויסגע-לאזט א רוף צו די ארבייטער זיי זאלען ארויס אין א גענעראל סטרייק אויס פראטעסט צו דער מאנארכיסטישער אי-בערקערעניש און די ארבייטער האבען פאלגט זייערע ארבייטס פלעצער. באראן פאן ליוטוויץ האט ארויסגעגעבען א באפעהל זיי זאלען צוריק געהן צו דער ארבייט, דער באפעהל איז אבער ניט אויסגעפאלגט געווארען.

אינטערעסאנט זענען די קאמענטא-רען וואס די פאריזער צייטונגען מאכען איבער דער געשעהעניש. די „טאן" שרייבט דאס פארטיידיגונגס מיניסטער נאסקע האט א חלק אין דער איבערקע-רעניש.

„קאפ, נאסקע און גראבאווסקי, שרייבט די „טאן" ארבייטען שוין אי-בער א יאהר צייט האנט אין האנט. נאסקע איז בלומערשט א רעפובליקאנער, עס איז אבער קלאר דאס ער האט צו-זאמען מיט די פאן גערמאניסטען גע-ארבייט פאר א קאנטער „רעוואלוציע".

אויך די „מאטען" זעהט אין דער איבערקערעניש נאסקע'ס האנט. זי שרייבט: „די סאלדאטען וועלכע האבען פארנומען די רייכסטאג געביידע זענען די זעלבע סאלדאטען וואס האבען פארנומען די באלטישע פראווינצען. נאכ-דעם ווי די עליים האבען געצוואונגען דייטשלאנד די זאל זיי ארויסציהען פון דארט, זענען זיי א שטיקעל צייט געשטאנען אין איסט פרייסען און דאן האט נאסקע גענומען זיי איבערפיהרען ווייטער אין מערב פרייסען, מיט'ן אויסרייד אז דארט וועלען זיי דעמאבי-ליזירט ווערען. די סאלדאטען זענען אבער ניט דעמאביליזירט געווארען, פארקעהרט מ'האט זיי געהאלטען ניט ווייט פון בערלין און די רעגירונג האט זיי געצאהלט שכירות".

די „מאטען" גלויבט דאס הינטער דער איבערקערעניש שטעהט לודענ-דארף און זאל די קאנטער רעוואלוציע זיין געלונגען, וועט הינדענבורג ווערען

דער פיהרער פון דער נייער רעאקציא-נערער רעגירונג. די צייטונג גלויבט קוים אויב אימיצער פון די האהענצא-לערנס וועט זיך שטעלען אן דער שפיצע פון דער קאנטער רעוואלוציע.

יוער אנז באראן פאן ליוטוויץ אין דער דייטשער איבערקעהרעניש האט געשפילט א גרויסע ראלע דער באראן ארטור פאן ליטוויץ, דער איצ-טיגער פארטיידיגונגס מיניסטער.

גענעראל פאן ליטוויץ איז געווען דער קאמאנדיר פון דער ערשטער רייכס וועהר אפטיילונג אין נאסקע'ס א ליי-טענאנט. "די פרייהייט" דער ארגאן פון די אומאפהענגיגע האט שוין מיט א צייט צוריק אים באשולדיגט אין זיין פאר-מישט אין א מאנארכיסטישער פאר-שווערונג און ווי עס ציינט ער יעצט ארויס אין „די פרייהייט" געגען גע-רעכט. די פראגע איז בלויז צי האט נאסקע געוואוסט פון זיין אדיוטאנטס מעשים אדער ניט.

רעזאלוציאנען פון דער קאנווענשאן פון פארבאנד פון אוקראינער אידען אין אמעריקא

ארגאניזאציאנס פארמען

1) דער פארבאנד פון אוקראינער אידען אין אמעריקא שטעלט מיט זיך פאר א פאראייניגונג פון אלע אידישע לאנדסמאנשאפטען פון אוקראנישע שטעט און שטעטלאך, ווי אויך רעליעף-סאסייעטיס און די אויפגאבע פון'ם פארבאנד איז צו ארגאניזירען די איבערגעדרימאנטע פאראיינען פאר א געמיינזאמער, פלאנמעסיגער און סיסטעמאטישער הילף פאר די אוקראינער אידען איטליכע לאנדסמאנשאפט און סאסייעטי פון אוקראינער אידען אין אמעריקא קען ווערען א מיטגליד פון'ם פארבאנד.

2) די עקזעקוטיווע פון'ם פארבאנד פון אוקראינער אידען אין אמעריקא פיהרט אן מיט דער גאנצער ארבייט, פאר-בינדט זיך מיט עהנליכע אנשטאלטען די-רעקט און די ארטיגע ארגאניזאציעס, קאנטראלירען זייער'טעטיגקייט און טרעט ארויס כלפי חוץ אין נאמען פון די פאר-איינען.

3) די אויפגאבע און פליכט פון די איינצעלנע לאנדסמאנשאפטען איז צו ארגאניזירען זייערע לאנדלייט, זאמלען צווישען זיי געלט און זאכען, פיהרען א רעגיסטראציע, אינפארמירען די מיטגלי-דער, אלע קאלעקטירטע געלטער דארפען דעפאזיטירט ווערען אין ארטיגע זיכערע באנקען. די טאסטים דארפען אבער שטעהן אונטער דעם קאנטראל און אויפ-זיכט פון דער עקזעקוטיווע פון פאר-באנד.

4) די געלטער, וואס ווערען געזא-מעלט דורך די לאנדסמאנשאפטען דאר-פען געהאלטען ווערען אין די ארטיגע בענק אויפ'ן נאמען פון דער באנ-ע-פענדער לאנדסמאנשאפט, זיי זענען אויסשליסליך מיט דער חתימה פון הויפט קאסיר אדער פון ראיאן-קאסיר אדער א ספעציעל-באפאלמעכטיגטען ראצו.

5) די עקזעקוטיווע האט דאס רעכט צו קאנטראלירען די ביכער פון די לאנדס-מאנשאפטען. אלע רעסיט-ביכלעך פון די לאנדסמאנשאפטען מוזען געשטעמ-פעלט ווערען דורך דעם הויפט-קאסיר פון'ם פארבאנד, אדער דורך זיין באַ-פאלמעכטיגטען אונטער גומערען אריינ-געטראגען אין א באזונדער בוך. דער פארבאנד איז פאראנטווארטליך פאר דע-געשעפטס-פיהרונג פון די לאנדסמאנ-שאפטען, וואס זענען זיינע מיטגלידער.

6) דער פארבאנד פון די אוקראי-נער אידען איז א וועלכסטשטעהנדיגע ארגאניזאציע. ער באציהט זיך פריינד-ליך צו די עקזיסטירענדע הילפס-ארגא-ניזאציעס, און זיין ארבייט וועט זיין צו-שטרעבען צו קאארדינירען איהרע שריט מיט די עקזיסטירענדע הילפס-ארגאני-זאציעס, אויב די לעצטע וועלען אין זייע-רע אונטערנעמונגען שטעהן אויפ'ן יסוד פון די פרינציפען לויט וועלכע דער פאר-באנד ארבייט.

7) פאר זיינע דרינגענדע אויפגאבען פאר דער נאהענטסטער צייט באטראכט דער פארבאנד פאלגענדעס:

א) ארגאניזירען א ברייטע אינפאר-מאציאנס ארבייט פאר די אידען אין אמעריקא און אוקראינא, פארבינדען זיי, העלפען צו געפינען די קרובים, אריבער-שיקען געלט א. אז. וו.

ב) העלפען מיט ראט און שטיצע די קרבנות פון די פאגראמען און ספעציעל די יתומים אריבער-צוברענגען קיין אמע-ריקא און ארץ-ישראל, וואו פאר זיי דארפען געשאפען ווערען היימען און אר-בייטס-מעגליכקייטען.

ג) עפענען גלייך ביוראס אין קאנ-סטאנטינאפאל, בוקארעסט און אין ווארשוי און אין אנדערע צענטרען, וואס זאלען העלפען דורכפיהרען די איבערגעדער-מאנטע אויפגאבען אדער מיט די שוין עקזיסטירענדע ארגאניזאציעס.

ד) אנהויבען א קאמפיין צו שאפען קליידער, וועש און שיך פאר א מיליאן אידען אין אוקראינע. די אוקראינער אידען אין אמעריקא זאלען באקליידען און באשוכען א מיליאן קרבנות. די קליידער, וועש און שיך דארפען געגעבען ווערען פריי אויב מעגליך, און פארדינט ווערען פריי, אויב מעגליך.

ה) שאפען די נויטיגע מעדיקאמענ-טען און פרעפאראטען. צו דעם קאמפ מוזען צוגעצויגען ווערען די אידישע דראג-גיסטען און דאקטוירים. אלע מעדיקא-מענטען און פרעפאראטען דארפען גע-שענקט ווערען.

באמערקונג: צו די דאזיגע ארבייטען מוזען צוגעצויגען ווערען אלע מיט-גלידער פון די לאנדסמאנשאפטען.

ו) שיקען א קאמיסיע, איין קאמיסיע פון אלע אוקראינער אידען, וואס זאל איבערברענגען די זאכען און די געזא-מעלטע קליידער.

ז) שיקען מעדיצינישע אפטיילונגען

(שלוס אויף פיידזש 8)

אויפרוף צו אלע בערעזניצער לאנדסלייט

אנשים ונשים וטף

דאס הייסט מענער און פרויען, אלטע וויגנע באיעס און גוידאס! פערעפהלט נישט צו קומען צו א פעקערדוש פארטהי וועלכע עס וועט שטאטפינדען זונטאג דעם 21-טען מערץ אום 7-אוהר אווענד אין תפארת ישראל שוהל ווילקענס סט (ביטווין הייסטינגס און ענטווין).

ברודער און שוועסטער, זייט וויסען, אז קיין איין זאך טוט זיך נישט אהן השגחה פיליכט זענט איהר געשיקט געווארען אין דיזען לאנד צו רעטען פון הונגער טויט אונזערע ארעמע ברידער, שוועסטער און קינדער און אלמנות און יתומים וועלכע געפינען זיך אין אונזער שטעדטעל בערעזניץ

רחמנים בני רחמנים

דערוועקט דעם רחמנות אין אייערע הערצער און קומט צום פערזאמלונג, ד. ה. צום פעקערדוש פארטהי

די בערעזניצער קאמיטע.

בעקאנטמאכונג צו די דעטראיטער אידען

מאנישעוויטש'ס מצה גיט א פראצענט פאר'ן בית יתומים

צו די פרויען פון דעטראיט

פרויען! איהר האט געהאלפען בויען א בית יתומים. איצט איז אייער פלכט צו בויען א דעי נוירסערי.

קומט נעקסטען מאנטאג אווענד אין עטינגערס האל צום מיטינג פון דער דעי נוירסערי.

דעטראיטער וואס ווערען געזוכט פון זייערע קרובים אין יוראפ

דעטראיטער וואס ווערען געזוכט פון זייערע קרובים אין יוראפ

לייבע און ציוויע צעסנין און די קינדער פון נאוואבאריסאוו מינסקער גו-בערניע, זוכען שמואל און שרה פלאטקין, אויך יעקב שמעון פלאטקין אין דעטראיט.

מיכעל דימאנט פון לאדז זוכט זיין זוהן ליבוש דימאנט. זאל מר. ליבוש דימאנט קומען אין רעדאקציע פון „וועג" וועלען מיר איהם איבערגעבען דעם גרוס אין אדרעס פון זיין פאטער.

רבקה מאזעס, דער מאן אליהו און די קינדער פון באריסאוו, מינסקער גו-בערניע זוכען זייער שוועסטער, שוואגער און מומע בען בענסאן אין דעטראיט.

פריידע לעווקין פון ראקשי'ן זוכט איהר אנקעל בענזי שולין פון 1114 סקא-פען אדער סקאטען עוו. זאל מר. שולין קומען אין רעדאקציע וועלען מיר איהם געבען דעם אדרעס פון זיינע פריינט אין ראקשין.

חיים אלחי מיכלען און זיין פרוי פון אזדא, מינסקער גובערניע זוכען מיכאל און מענדעל מיכלען אין דעטראיט.

שיינעטע פעלמאן מיט די קינדער שרה, שמואל און מיכל פריהער פון ושא-נעדישן, קאוונער גובערניע, יעצט סמי-לאוויטש, מינסקער גובערניע זוכט זוהן און ברודער זאב וואלף פעלמאן.

אלטע בענענסאן און זיין פרוי אידע באריסאוו, מינסקער גובערניע זוכען אנ-קעל און טאנטע יהושע נטע בענענסאן און זיין פרוי חיה שרה מיט זייער פא-מיליע.

אין טאלידא

מרים בערלינסקי זוכט איהר ברודער דושיי קאסטעלניקי, אדער קאסטעלניצ-קי אין 15 פיידוש סט. אין טאלידא אהייא. אין „וועג" איז פאראן דער אד-רעס פון מרים בערלינסקי און איהר גרוס.

פאלגענדע ווערען געזוכט און ווער עס וויים פון זיי זאל לאזען וויסען אין רע-דאקציע פון „וועג"

היקע צערצעס פון מינסק זוכט איהרע שוועסטער חיענע און דוואשע און איהר ברודער אהרן.

לאה (פריהער יאנאווסקי) נורייין פון מינסק זוכט איהר אנקעל טאדרעס און ברודער יוחנן נעלסאן.

טייבע טעפמאן פון ווארשוי זוכט שלום טעווערמאן, מאיר זאלצמאן, בן ציון ראזענפעלד, דוד און חיים גאלד-בערג, דבורה און מאכלע ראזענפעלד.

זרח, פייגע און ליאליע אייזיקסאן פון ראדישקאוויץ, מינסק. גוב. זוכען הירשל איצע און זייער פאמיליע, אויך יאסעל ליב און גאלדע.

אליה און יעקב סקארופא ווערען געזוכט פון זייער אנקעל אברהם יצחק סקארופא אין לאדז.

רייזעל אייזענבערג פון לאדזש זוכט איהר פעטער הערשל בערקאווסקי און ברודער פייוועל אייזיק אייזענבערג, קיי-לע אייזענבערג.

ברוך באלגליי פון לובלין זוכט דער און חיים אייזענבערג (געבוירענע אין פינסק).

זלמן פלעווינסקי פון לאדז זוכט זיין ברודער יוסף, שטאמט פון בעלכא טאוו, וואלף יונה'ס איינקעל, בעלכא טאוער זיינען געבעטען אויסצוזוכען איהם.

שמעון עפשטיין פון לאדז זוכט זיי-נע קאזינס הלל און שמואל פיינבערג

פייגע קיפמאן (געוואהנט אין קא-ווען) ווערט געזוכט פון איהרע עלטערען אין קאליש.

נחום גערציקאוו (ישראל'ס זוהן) פון לאדז זוכט זיין מומע גערציקאוו, גע-בוירען אין וויטעבסק.

אברהם יצחק סקארופא פון לאדז זוכט אברהם ראגאזשינסקי און מענדעל שלעזינגער בעקער.

די חברים, פריינד און לאנדסלייט ווערען געבעטען אויפצוזוכען און מיטטיי-לען מיר דעם אדרעס פון מיין טאנטע חנה זעלצער (געבוירענע שולמאן) געהאט

א פארם אין אומגעגענד פון נויוארק שטאמט פון וויטעבסק און איהרע קינ-דער אלי זעלצער, מאניע זעלצער א לעה-רערין, עטקא זעלצער.

איך יאניע, דער ברודער קלמן און די שוועסטער עטקא אלע געהייראט וואוינען אין לאדז פון פאר'ן קריג און דער פאטער איז ב' כסלו פאר 2 יאהרען גע-שטארבען א גרוס פאר אלעמען ענטפערן דורך „ארבייטער צייטונג", ווארשא, פאסט באקס 9 אדער „פאלקסבלאט" לאדז.

יאניע שולמאן פון קרעמענטשוג איצט אין לאדז.

גרוסען צו דעטראיטער

שאול שולסקי מיט זיין פרוי שרה חנה און טאכטער רחל (פריהער אין אי-וואנען יעצט אין מינסק) גריסען זייערע זיהן און ברידער יעקב אליהו און אברהם שולסקי (שולין) און טעכטער ליבע פייגע שווארץ און גוטקע פיין מיט זייערע פא-מיליעס, וואהנען אין דעטראיט אין 379 סט. ענטווין סטריט ידזשיי שולין, די אלטע עלטערען גויטיגען זיך אין שטי-צע. נאכ'ן אדרעס ווענדט זיך אין רעדאק-ציע פון „וועג".

רפאל און רייזעל פורשטיין (שטיין) ווערען געגריסט פון ליב, רעלע און מרדכי בורשטיין פון דאווית, אלע ז'יינען געזונד און עריווארטען בריעף און שטיצע. מר. שטיין פון 219 ווילקינס — דעטראיט. אדרעס פון די בורשטיינס און גרוס גע-פינט זיך אין רעדאקציע פון „וועג".

פאר פאלגענדע דעטראיט'ער האבען מיר בריעף אין רעדאקציע

ל. קאהען — א בריעף פון גאליציען

מיכל וועסטער פון 202 נאפאלעאן סט. — א בריעף פון חנה רייזעל פון רוד-ניק.

א. ראזענדער פון 317 ערסקין סט. — א בריעף פון לאדז.

אייזיק מילער 369 האלברוק סט. — א בריעף פון זיין ברודער.

מרס. איידא לעווים 206 איסט קווירבי עוו. — א בריעף פון איהר אנ-קעל אי. זליטווינ

יאטאהאן ווייגער 99 אילינאיז סט. — א בריעף פון חיה ראזע קליין און אנדערע קרובים פון פוילען.

ראבין פיש פאר יוסף לעווינבערג אין 389 הייסטינגס סט. — א בריעף פון ווייען.

ג. לינדאו פון 49742 סט. ענטוויין אדער אנטאין סט. — א קארטיל פון רוס-לאנד.

ראבין פוקס 435 הייסטינגס — א בריעף פון שמחה פוקס און נ. וואלאך.

ל. קאפלאן 81 קארדאמאן און זיין פרוי נחמה (געוועזענע טעמקין) — א בריעף פון פאלעסטינא.

ס. אדער י. אפערמאן פון איסט 241 קווירבי — א בריעף פון זיין ברודער.

מארים האלין פון 87 ברייסטער סט. — א בריעף פון (דער שוועסטער) יא-ראסלאוו.

פרוי 21 יאהר אלט געהייראט מיט 22 מענער; קיין איינעם ניט געגט.

דייטאן אהייא, מערץ 17. — בא-הויפטענדיג אז זייער „פרוי" האט ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי 22 מענער, זיינען היינט טיפיק סאלי פון סינסינעטי און דושיימס ניק, פון דייטאן, געקומען צו דער הינער פאליציי בעטען א וואַ-ראנט געגען מארגארעט פאסטער, 21 יאהר אלט.

די ברית'שע פרויקע איז יעצט אין ספרינגפעלד אהייא, סאלי האט דער צעהלט, אז מיט איהר האט מארגארעט געהייראט דער 16-טען פעברואר, 1920, און ניק זאגט, אז ער האט מיט מזל גע-נומען מארגארעטען פאר א ווייב עשט דעם 16-טען מארטש.

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאו'ס מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט ביליגער ווי גע וועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאו'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder Cherry 6203

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמעריקאנער דאלארס.

קעדילאק 2061

CLASSIFIED

צו פארקויפען א 7 רום הויז; מאָ־דערן צו דער מינוט, אויף קאמעראָן, נעבען האלברוק, איינצאָהלען $2500. טעלעפאן ,גארטוועי 4967־עם.

פארלאנגט צו קויפען א גענוצ־טען קעש רעדזשיסטער. לאָזט וויסען אין 1044 בוביען סטריט, אין דריי־ גודס סטאָר.

עקספיריענסד סיילסמאן אין דריי־ גודס און פעדלערס סופלאי, זוכט א פאזישאן. גוטע רעפערענס. פרעגען: מר. מעסער, 191 דיוויזשאן סטריט. טעל. קאדילאק 4114־עם 22)

צום פארקויפען
מיט $4,000 קענט איהר קויפען זעהר א גוט עסטאבלירטע קענדי פעקט־ טאָרי. ברייננט $300 א וואָך. אויי ער נעהט און אייער צוקונפט וועט זיין געזיכערט. נאכפרעגען באקס 15, אין אפיס פון „וועג". 22)

פארלאנגט א בעל קריעה, זיך מעלדען אין בני יעקב שוהל, 152 אי־ ליגאיז סטריט 22)

שומרי שבת, שניידערס, וועלכע הי־ טען שבת, גוטע ווייזזשעס 5 טעג א וואך ארבייט, פרעגען: א. מעסער־ מאן, 100 איסט קאנגרעס. 21)

צו פארקויפען. א ביזנעס פלאץ אויף ריוואַרד, צווישען פארעסט און גאר־ פילד בילדינג 80 ביי 24, גראסערי און פלייש סטאָר. פרייז. $9,000 איינ־ צאָהלען $2,000 אדער א סינגעל אדע־ פלעט אין ט־ייד פוילישער געגענד. פרעגען: פ. באהזינסקי 865 שלין סט. 19)

עקסטרא סיילסלייט פאר־ לאנגט. פרויען אדער מענער, צו אר־ בייטען שבת אין אווענטען, מוזען ריי־ דען פויליש, אויך איין סיילסמאן פאר א שטענדיגען פאזישאן, גוט באַ־ צאלט צו די ריכטיגע פערזאנען. פרעגען: ס. שווארץ 1421 שעין סטריט 22)

קלאדינג און דזשענטס פארני־ שינג סטאָר, גוט איינגעטרייעטער סטאר, צו פארקויפען אין אן ארבייטער געגענד. זיכער א לעבען צו מאכען. אורזאכע — פארלאזען דאס לאנד, ביי־ ליג רענט. 1693 ראסעל סטריט. ס. סינעמאן. 21)

לענדלארדס איפמערקזאם ! פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, ליי־ סען, אדער רענטען פאר ווייסע און ניג־ ראס. **האריס און לואיס**, 481 אנ־ טווין סט., טעל. טשערי 8014 19)

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פיעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום !

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט
I. Frosh O.D.

אין 204 ״קלינג׳׳ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך׳׳ס דזשועלרי סטאָר.

וואָרע בילינ פאר סטאָר־קי־ פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאַקס ראַזינסקי
353־355 הייסטינגס, קאָר. קאלומביא

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבעל קלאטהס, קורטענס, פענסי דריי־גודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת׳ע.
Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

שיקט אריין נאר 2 דאלאר

וועט איהר באקומען א **האלב יאהר צייט** איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.
דאס „פאלקסבלאט".
א **דעמאקראטישער** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"**. וועלכעס האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פויי־ לען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פויי־ לען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר אויך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.
דאס **„פאלקסבלאט"** וועט אייך העלפען איפזוכען אייערע קרובים.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר פערקניפען געשעפטליכע בעצי־ הונגען מיט מזרח־אייראפא.
דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס „פאלקסבלאט"**. אדרעס:
Lodz, Petrokowska 37, Poland

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט אין
140 מעדבורי, קאָר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 **הייסטינגס סטריט**

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־ קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע־ מאכט נאר פון רייגער האוואנא. פריבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פארלאנגט דור־ ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
צייהן
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואָרד
737 אוקלאנד עוו.

ניו יארק סטאר קלאָדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע סיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין. פראפ.

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נייע גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארטזעצונג)

— און שטעלט זיך פאר מיין לאגע, האט פיאדאר געענדיגט זיין ערצעהלונג — ווען איך פאהר מיט מיין כלה שפא־ צירען אויף דעם בולוואר, איהר קענט מיר גלויבען אז איך האב שוין נאר פאר־ געסען צו עס איז דא א לאה אויף דער וועלט, און פלוצים הערט איך לאה'ס קול שרייען ! פארשטעהט זיך אז עס איז מיר ניט אויפגעקומען; אז דאס זאל זיין לאה, איך האב זיך נאר דערמאנט אן איהר און טראכט מיר: פונקט אזא קול ווי לאה, נאר שטעלט זיך פאר אז זי מיט צוויי זשוליקעס וואס זענען איהר נאכגעלאפען און אן אגאראדאוואי וואס על האט זי אפגעשטעלט, זענען פונקט אויסגעקומען טעבען מיין קארעטע. איך האב איהר גלייך אין די אויגען אריינ־ געקוקט און האב זי דערקענט. פארשטעהט זיך, אז איך האב מעהר מיט מיין כלה דא ניט געקענט ווייטער שפאצירען און בין באלד אהיים געפאהרען. איך קען דיר ניט איבערגעבען וואס איך האב איי־ בערגעליטען און איבערגעטראגען פון דער צייט; איך ווייס אז דו ביזט א גרויסער פארליעבט און וועסט וועלען א סך געלט, נאר דו ביזט אמאל א גוטער מענש אויך, דו טוסט דיין זאך ארענט־ ליך, און איך וועל דיר באצאהלען פאר דיין טרחה וויפיעל עס קומט דיר, נאר דו זאלסט זי ווי צום גיכסטען געפינען. איך האב זי דערפאר ניט געפונען ווייל איך רעכען אז זי געפינט זיך איצט שוין... איך ווייס נאר ניט וואו ווי דו מיט דיינע לייט קענען וויסען; ארום וואו דען קען זיך אזא מידעל געפינען אז זי האט געשעפטען מיט אזוינע זשור ליקעס אזוי שפעט ביינאכט ? איך קען נאר ניט פארשטעהן. וואס האט זי גע־ בראכט צו אזא נידריגען שטאנד. —
— וואס זשע ווילסטו פון איהר, וואס דארפסטו איהר אזוי נויטיג, איז לעדער־ בארג זעהר פאראינטערעסירט געווארען
— אז דו האסט זי איינמאל שוין אוועק־ געוואפען, נאר וואס זשע דארפסט דו זי ? ווילסט אויף איהר רחמנות האָ־ בען און ווילסט חתונה האבען פאר איהר ? צו וואס
— וואס זאגסטו, דו לאכסט פון מיר, מיט אזוינע זאל איך חתונה האָ־ בען, ווען איך האב אזא רייכע כלה פון

אזא גרויס ארט ?—
— וואס זשע דען דארפסטו זי האָ־ בען, אז דו קענסט ניט לעבען רוהיג ביז דו וועסט זי ניט געפינען ?—
— איך וויל... איך וויל וויסען, וואס האט זי נעבראכט דערצו, איך וויל איהר העלפען אז זי זאל זיך מעהר ניט געפינען אין זא שטאנד, איך קען ניט, איך קען זיך ניט בארוהיגען, ווען איך ווייס אז לאה געפינט זיך אין אזא שטאנד, זי איז אזא ארענטליך קינד, זי קומט ארוים פון לייטישע עלטערן.—
לעדערבארג האט זיך זעהר געוואונ־ דערט וואס פיאדאר איז פלוצים אזוי פרום געווארען און האט רחמנות אויף אזוינע מיידלעך; נאר ווער קען פאר־ שטעהן וואס דו איז, אבי ער וועט פאר־ דינען ביי איהם, וואס זשע איז זיין גע־ פיעל מעהר ארויסטראגען ווי ווען אפילו שעפט, אפשר קען זיין אז עס וועט איהם לאה זאל זיך געפינען אין זיינע הענט און ער זאל זי קענען פארקויפען.—
— טאמער האט זיך דיר נע'חלומ'ט א כוה פאר א ווינדמיהל האט זיך לעדער־ פרעגען, כדי ער זאל האבען מעהר שאנ־ בארג אננעהויבען ביי איהם צו דער־ סען, זי צו געפינען — טאמער איז דאס מיידעל ניט לאה ?—
— ניין, אין אלעם קען איך א טעות האבען נאר ניט אין אה'ן, איך האב זי גענזעהן געווים, ובפרט נאך ווי איך האב געהערט, איז זי אין ר... ניט דא — זי איז געווים אין ארעם און איז אפילו צו מיר ניט געקומען — צו מיר אפילו ניט געקומען ! אט ווי גרוים און שטאלץ זי איז !
די ווערטער האט ער עטליכע מאל אי־ בערגעזאגט ווי מיט כעס אדער מיט פארדרוס.—
ווער קען וויסען דעם מענשענס הארץ ! ווער קען וויסען ווי אזוי א הארץ קען פיהלען ! ווער קען וויסען פיאדאר'ס הארץ ! עס קען זעהר שעהן זיין, ער לאה זאל געוועזען קומען צו איהם, בעטען ביי איהם הילף, שייגען און בעטען פאר איהם אז עס איז איהר שלעכט, זי איז זעהר אומגליקליך, ער זאל איהר העלפען, ער זאל רחמנות הא־ בען אויף איהר און אויף איהר קינד. זי איז גרייט אויף אלעם אפילו אויף די אופנים וואס ער האט איהר פארגע־ לעגט, ווען לאה זאל אזוי געווען טאן זאג איך נאך אמאל, קען זעהר זיין, אז פיאדאר וואלט איהר אפילו א גראשען ניט געוואלט געבען און גאר ניט גע־ וואלט וויסען פון איהר, אדער ער וואלט איהר יא געגען געווען נעהאלפען, דאס איז פאר אונז אלין איינס: נאר דאס איז געווים: פיאדאר וואלט פון איהר ניט געוואלט וויסען, י ביז אין דער צייט ען ער האט זי דאס ערשטע מאל דער־ זעהן אין אזא צושטאנד אויף דעם בול־ וואר.
נאר די ארימע, אומגליקליכע לאה איז נעקומען קיין אדעס און איז צו פיא־ דאר'ן ניט געקומען בעטען הילף, זי האט אפילו ניט געוואלט וויסען צו דער גרוי־ סער, גליקליכער רייכער, פינער פיאדאר איז אין אדעס !
דאס האט פיאדאר ניט געקענט אי־ בערטראגען, אין זיין הארץ איז געווארען א גאנצע מלחמה, בלוט האט זיך אנגע־ הויבען פארגיסען ! סטייטש, זי איז א פויליש מיידעל, אהן בילדונג, פון א קליין שטעדטעל, און געפינט זיך אין אזא נידריגען שטאנד, שטעהט איהר ניט אן זיך אפילו ווייזען צו מיר !...
לען פיאדאר זאל זיך ניט שעהמען פאר זיך אליין, פאר די פיער וואנט, וואלט ער האטש אליין זיך ארויסגעזאגט דער אמת: זי איז צו מיר ניט געקור־ מען, ווייל זי רעכענט מיר נאך נידריגער ון זיך, זי רעכענט זיך פיעל העכער פון מיר, זי איז אקעגען מיר שטאלץ, עס שטעהט איהר ניט אן מיט מיר זיך צו באגעגענען, דעפאר וואס איך בין א פאר־ ליעט, א נידריגער מענש א. אז. וו.
נאר ער האט די ווערטער אליין פאר זיך מורא געהאט ארויסצוזאגען, נאר אז לא השטעהט פיעל העכער פון איהם, אז ער איז א נידריגער מענש, האט ער גע־ פיהלט מיט זיין גאנצען הארצען.—
פיאדאר האט אין זיך געהטט א סך שטאלץ און האט עס ניט געקענט איבער־ זיך געפונען ניט רוהיג; ראנגען, עס הא איהם נעמושטעט, ער האט
וואס אייגענטליך האט איהם געמור־ טשעט האט ער זיך אליין קיין חשבון ניט געקענט אפגעבען, איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז זיין הארץ איז גוט און עהרליך, ער האט רעהזעהן ווי זיין אמאָ־ ליגע נאה געפינט זיך אין אזא שטאנד, אזוי ארים און אומגליקליך, ווער ווייסט ווי זי ליידעט נאך פון זיין קינד, פון דעם אומגליקליכען קינד, דארום האט ער מיט זיין גוט, עהרליך ווייך הארץ רחמנות באקומען אויף איהר, און וויל איהר העלפען, נאר דעם אמת געזאגט, האט פיאדאר מעהר ניט געוואלט ווי באַ־ פרידיגען זיין ענאאיסטישען שטאלץ, זיין הארץ, זיין פאוועסט, וואס האט אזוי שטארק געפיהלט די פיעלע פאר־ ברעכענס וואס ער האט געטאן קענען לאה'ן. —

פון דער צייט וואס ער האט זי גע־ זעהן אויף דעם בולוואר און וואס מעהר א טאג איז אוועק געגאנגען הא זיין הארץ מעהר געפאדערט די באפרידיגונג, וויפיל מאל ער האט מיט זיך אליין איבער־גע־ רעדט וואס קער ער זי דאן מיט לאה'ן, וואס קעהר זיך לאה אן מיט איהם, מאַ־ לע וויפיעל לאה'ס עס געפינט זיך, וואס האט ער דיך אזוי שטארק צו אינטערע־ סירען מיט איהר, ווי אזוי איהר לעבט זיך ? שוין ניט איינמאל האט ער זיך נאקע איבער־געפרעגט און איז באהויגט געווארען, פארגעסען אן לאה'ן; נאך אבער רנים אויף לאנג, און עטליכע מי־ נוט ארום. האט זיך ווייטער אנגעהויבען א גאנצער שטורם־ווינד אין זיין הארצען, עס האט איהם מעהר אנגעהויבען מו־ טשען ווי פריהער.
אט וואס א מענשענס הארץ איז ! ווער קען דאס הארץ פארשטעהן ?...
און ווי איהר זעהט, האט עס איהם געבראכט דערצו אז ער האט זיך מיט זיין גאנצער „מושעניע" פארטרויעט לע־ דערבארגען, ווייל ער איז געוועזען פאר־ זיכערט אז לעדערבארג וועט זי געוויס עס איז שוין געוועזען אינגם א זוי־ גער ווען זיי זענען ביידע ארויסגעגאנגען פון „סעווערני האטעל", פיאדאר האט זיך געזעצט אויף דעם ערשטען איזוואָ־ שטשיק, געבענדיג איהם די האנט אויף צו געזעגענען זיך, האט ער איהם גע־ זאגט :
— איך האף אז אזוי וועט זיין ווי מיר האבען אפגערעדט, פון אלעס זאלט איהר מיר באלד שרייבען, אדער מיר קענען זיך זעהן אין דעם „האטעל" ווען איהר וועט נאך געפינען פאר נויטיג, מיט איין ווארט איך האף... צום ווידער־ זעהן !...
מיט די ווערטער, האט זיך דער איז־ וואשטשיק געריהרט פון ארט. —
— האסט דו, ניט געהאט קיין טעות הא לעדערבארג צום צעהנטען מאל אי־ בערגעפרעגט.
— וואס פאר א טעות ? האט פיאָ־ דאר געענטפערט.

(פארטזעצונג פאלגט)

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר־ בייטער אינסטיטוט
— 204 **הענקאק איסט** —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־ טערארישע אווענטען קאנצער־ טען, פארטיעס און חתונות. ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.



ווילט איהר סיוועו 30 פראצ. ?
ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוס ־אנס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעם וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעם פון די פאל־ גענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשידענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר־ טענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפליט ליין אין לייניס פענ־ סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־ מייקערס טרימינגס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן ר' דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן מעין 4420.

וווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ־ טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
ניט געמאכט און גאראנטירט ?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלםסט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס יעדזשיסטערס, נייע און גענוצטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד־ לונג. 2 סטארס.
רעליעבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עם.

ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קידושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע
עופרידענהייט.
5 ר קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעלוו

מאושען־פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און רייגע ארבייט, קורצע שטונ־ דען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אינגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים.
דזשוי סיגעל און באדשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

TELEPHONE CANAL 182
VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef, Tongues, etc.
U. S. Inspection Establishment
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשוי לעפקאווסקי און סאמס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באָטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

נייעס פאר אקלאנד !
א פוירסט קלעס קלינינג, ריפיירינג און טיילארינג שאפ ווי אויך דרעסמייקינג האט זך געעפענט
— אויף —
759 אקלאנד
ניער וועסטמינסטער, נעקסט צו דער קאאפעראטיוועד בעקערי אונטער דעם נאמען
The Sunlight Cleaning and Dyeing Co.
אונזער גוטע ארבייט און מעסיגע פרייזען וועלען איך מאכען, פאר אונזער שטענדי־ גען קאסטימער.

ראזענפעלד'ס
רוסישע טערקישע באד
פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע בעהאנדלונג
30 **גרויסע וואנעס** — **צוויי כשרע מקוואות**
שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך. 184־6 אלפרעד סט. ביטווין ענטוויין און בוביען.


אונזערע ספעשעל מאשינען סיווען ארבייט. — אונזערע איבערגעבילטע מאשינען סיווען געלד.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פראפיט
מיר פארקויפען די בעסטע אין דער ליין פון נעה מאשינען פיר יעדער סטיטשינג אפערייטשאן, א חוץ די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעיוזטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייווען פיעל געלד דערביי.
A. C. Payer
119 E. Jefferson — טעלעפאן טשערי 1813

די מאדערנסטע הייל מעטהאדען פאר פליכעוואטע
איז עס מעגליך אז האר זאל וואקסען אויף א פליך ?
דאס איז די איביגע פראגע
אפילו די מאנופעקטשורערס פון די בעסטע אדווערטייזטע היילמיטלען פאר האר וואקסען, זאגען, דאס די ווארצלען פון די האר זיינען טויט, ווען די מיטלען זייער רע ברייננען ניט דעם געוואונשטען רעזולטאט. עס איז נאר דא איין מיטעל ווי אזוי צו מאכען אז האר זאלען וואקסען אויף א פליכעוואטען קאפ און דאס איז:
היילט זיך מיט דער נאטור
גרין'ס רעצעפטען וועלכע זיינען געמאכט פון נאטירליכע גראזען און אנדע־ רע נאטור־זאכען זיינען אזוי ווירקזאם פאר האר וואקסען ווי די מוטער־נאטור זעלבסט. עטליכע באהאנדלונגען וועלען אייך איבערצייגען ווי גוט עס ווירקט **גרין'ס** מיטעל פאר פליכעוואטע, פאר די ביי וועלכע די האר פאלט אויס און ווי אויך פאר קאפ שמערצען.
S. Green
769 בוביען סטריט — דעטראיט, מיש.

OUELLETTE GARDENS



קומט היינט!

אייער געלעגענהייט איז היינט צו לעגען דעם פונדאמענט פאר א געזיכערטער צוקונפט דורך אן אינוועסטמענט אין ריעל עסטייט

1,000 לאטס

אין דעם בעסטען געגענד פון דער גרענעץ-שטאדט, וואס איז אויסשליסליך א רעזידענץ שטאדט.

אפען פאר ביזנעס
אן אפגעשפארטער דאלאר

אינוועסטעד אין אולעט גארדען לאטס וועט אייך ברענגען גרויסען פראפיט

$4,000
א פראנט פוס

: אט מען געצאהלט פאר אולעט עוועניו פראנטאזש. מיר אפערען אייך יעצט לאטס אויף אולעט עוועניו. צו 20 דאלאר פוס. 1 דאלאר איינצאהלונג און 3 דאלאר א וואך.

$1.00 DOWN
$3.00 WEEKLY

NO TAXES
NO INTEREST

די פאלגענדע אינדוסטריען האבען באריהמט געמאכט דע-טראיט און איצט פארזיכערען זיי די צוקונפט פון ווינדזאר

וואס האט באריהמט געמאכט דעטראיט

פארד מאטאר קאמפאני
סטודעבייקער
דזשענעראל מאטארס און עהנליכע קארפארייששאן

ווינדזאר האט אויך

א פארד מאטאר קאמפאני
דזשענעראל מאטאר קאמפאני
סטודעבייקער
א מיליאן דאלאר האטעל
לעא טעאטריקאל קאמפאני בויעט א האלבען מיליאן טע-אטער
עלען טעאטריקאל קאמפאני בויט א פערטעל מיליאן טע-אטער.
דאס ווייזט אייך וואס ווינדזאר ערווארטעט אין דער צוקונפט.

זעהר וויכטיג !

ווען איהר קויפט א לאט איז ער שוין פאראינשורט, גלייך נאכדעם ווי איהר צאהלט איין הונדערט דאלאר, און ווען דער קויפער שטארבט, דארף מען מעהר ניט צאהלען און מען קריגט א פרייען דיד.

קויפט היינט

אן אולעט גארדען לאט און דאס וועט אייך ארויפארבייטען מיט דער צייט. די לאטס וועלען פארקויפט ווערען זעהר שנעל. אלזא האנדעלט שנעל! אויב איהר קענט היינט ניט קו מען אין אונזער אפיס פילט אויס דיעזען ארדער און שיקט דאס אריין גלייך

THE WHITLEY CO.

484 HASTINGS ST., DETROIT, MICH.

Please select for me the best unsold lots left in your offering and send a marked map showing its location. I hereby enclose $1.00 as first payment on the above, with the understanding that you are personally to make the selection for me. It is also understood that if I am not entirely satisfied with my purchase when I visit your property and inspect same, which must be within 30 days from this date, you will upon date of inspection immediately exchange my lot or lots for any unsold lot or lots I may choose and the said choice or acceptance is to be made on the date of inspection.

Dated March 16, 1920.

Name..

Address..

THE WHITLEY CO.

Main Office 33 State St. 484 Hastings St. Detroit, Mich

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

...ט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 8715

וועי מען באציהט זיך עדעל צו פרעמדע און אייגענע

פון ב. י. נ—ן

נים אלע די, וועלכע באמיהען זיך צו זיין עפעקטפול, נעהמען־איים אין דער געזעלשאפט. עס זיינען פאראן מענשען וואס זייערע באוועגונגען זיינען פול מיט ריין און ליעבליכקיים און קיינע מענשען באמיהען זיך ניט. זיי זוכען ניט קיין געמאכטע עפעקטען, וואס ווערען מעהרסטענס באגוצט אהן אויפריכטיגקייט.

עס איז אבער מיט א חן באגאסען זייער יעדער קעהר דוקא דערפאר וואס זיי באמיהען זיך ניט צו מאכען עפעקט, דוקא דערפאר וואס אלעס קומט ביי זיי ארויס נאטירליך, אויפריכטיג און מיט פולער אכטונג צו די אנדערע.

דאס לעצטע איז די הויפט־זאך ווען די רייד איז פון צייבער, חן און ליעבליכקייט.

* * *

וואס די פלום איז ווייניגער באפוצט דעסטא אנגענעהמער איז זי פאר'ן אויג און דעסטא לייכטער איז פאר'ן מאהלער נאכצומאהלען זי אויף דעם לייוונט.

און וויל חן און דער באנעהמונג, פריינדליכקייט און ליעבליכקייט קומט נאר פון די נאטירליכע און אויפריכטיגע געפיהלען, וועלכע שטראַמען פון מענשענס הארץ, דערפאר גלייבט מען, אז פיי ערנסטען ווילען קען איטליכער אויספיהרען מיט דעם דאזיגען צייבער־שטראהל צו באלייכטען אלע זיינע מאניערען און באוועגונגען.

מען דארף דאס נאר וועלען. מען דארף נאר אלעס וואס שעהן איז גוט איז, זיך באמיהען איינצופלאנצען ביי זיך אין הארצען. אלעס וועט פיסלעכווייז ארויסקומען אויפריכטיג, ניט געקינצעלט, נאר בא'חנ'ט.

עס איז אלע מאל אנגענעהם צו טאן א טובה א מענשען וואס באנעמט זיך עדעל, דושענטעלמעניש. די דאזיגע דושענטעלמען ווייסען ווי אזוי אנצונעהמען די קלענסטע און גרעסטע געפעליגקייטען פון יענעם. דעם גאנצען צייבער און חן ווייסען זיי ווי אזוי אפצושיינען אויף זייערע געזיכטער.

זיי וועלען גוט דאנקען, ניט באווארפען מיט קיין ברכות. מען זעהט אבער וויפיעל דאנקבארקייט עס איז אויסגעגאסען אויף זייערע פנים'ער. ווען זיי נעהמען אן אימיצענס א געפעליגקייט.

די גרויסע מעהרהייט מענשען ווייסען דאס ליידער נים. פאראן אזעלכע וואס ווייסען אפילו נים צו זיינען זיי מחויב ארויסצוווייזען איר־גענד וועלכע אנערקענונג פאר אימיצענס א געפעליגקייט. זייער אייגען־ליעבע ערנידעריגט זיי צו אזא מדרגה, אז זיי פיהלען נים קיין דאנקבאר־קייט צו קיינעם ווי פאר גרויסע אזוי אויך קליינע טובות.

בהמות זיינען נים פיעל נידעריגער איידער אזעלכע צווי פיסיגע בריאים. ווען מען גיט עסען א בהמה, נעהמט זי דאס אן, ווי א גאנץ גע־וועהנליכע זאך, א חוב. קליגערע חיות, נעהמען שוין אן א טובה פון א מענשען מיט אן אויסדרוק פון דאנקבארקייט.

פאראן פרויען וואס וועלען קיין מאל נים געפינען פאר נויטיג צו באדאנקען ווען א יונגערמאן וועט זיי אפטרעטען זיין "סיט" אין טראמוויי.

האט איהר אמאל באמערקט ווי א פרוי הויבט זיך אויף אין קאר, אים פלאץ צו מאכען פאר אן עלטערען מענשען, אדער פאר אימיצען וואס האלט א משא, אדער א קינד? — ביי אזא פרוי איז אהן ספק איינגעבוירען פיינ־קייט און מאניערען. זי איז אויפריכטיג אין איהרע געפעליגקייטען וואס זי צייגט אימיצען.

מיט וואס ווייניגער עפעקט אזא פרוי גיט אפ איהר פלאץ, אדער זי טוט אימיצען וועלכע אנדערע געפעליגקייט, אלץ מעהר עדעלקייט איז ביי איהר איינגעפלאנצט און אלץ אנגענעהמער און בא'חנ'ט איז איהר בא־נעהמונג.

פאראן עלטערען וואס לערנען זייערע קינדער ווי אזוי צו באדאנקען אימיצען פאר א געפעליגקייט. ווען אימיצער וועט געבען זייער קינד א צוקערקע, און דאס קינד וועט אזוי גיך נים באדאנקען, וועט די מוטער באלד א פרעג טאן: — "נו, קינדעלע, וואס דארף מען זאגען?"

און עס ווייס נים די מוטער אז נים מיט אזא מין לעהרע וועט זי איהר קינד ערציהען מיט א פיינעם כאראקטער און מיט עדעלער באנעהמונג.

דאס קינד דארף דאס זעהן אין הויז, פון אנדערע.

דאס קינד לערענט זיך פון דער מוטער נים נאכצוזאגען, נאר נ א כ־צ ו ט א ן; ווען די מוטער וועט אליין זיך פאנעהמען, ווי זי וויל איהר קינד זאל זיך באנעהמען, דעמאלט וועט איהר קינד זיך אפלערנען פון איה־רע מדות.

ווען עלטערען ווילען אין זייער קינד איינפלאנצען עדעלקייט און שעהנע מאניערען, דארפען זיי פריהער אליין מיט עדעלקייט זיך באציהען צו אנדערע. מעהר נאך דארף מען פארזיכטיג זיין אין די באציהונגען צו די שטופ־מענשען.

* * *

די הויפטזאך פון פריינדליכקייט איז — נים צו ערווארטען קיין טובות פון אנדערע.

ווען מען באציהט זיך צו אימיצען, אין צייט פון א נויט, מיט פעקט־לבער אויפמערקזאמקייט און מיט פריינדליכקייט, דארף מען בעת מעשה נים אין זינען האבען, אז דאס באציהט מען זיך צו יענעם פריינדליך, ווייל מען ערווארט אז יענער זאל אמאל א טובה אפטאן.

ווען גרויסע מענשען באציהען זיך עדעל און פריינדליך צו קליינע, פרעמדע קינדער, איז עס א פארגעניגען צו זעהן, ווייל מען ווייס אז דאס טוען זיי מיט אויפריכטיגקייט, נים ערווארטענדיג קיין באלוינונג פון די קינדער.

טובות וואס ווערען געטאן מיט דער אבזיכט צוריק אמאל באלוינט צו ווערען, פאלען שווער און זיינען מאנכעס מאל באליידיגענד. זיי ווארפען די ווערט פון דעם מענשען און זיי באליידיגען זיינע פיינסטע געפיהלען.

די "ווידהיר", וואס טוען אזעלכע טובות זיינען אנגעשטרענגט דערצו. זיי טוען דאס נים אוים אינערליכען פארגניגען צו טאן, נאר ווי מענשען מים קרימינאלער נשמות, וואס זוכען א שכר פאר זייער יעדער ריהר, פאר זייער יעדען שפאן.

פון אזעלכע מענשען איז זעהר שווער און אונאנגענעהם איר־גענד וועל־כע געפעליגקייט.

דער חתן

אין דער שדכנות־וועלטעל איז איצט א שטיקעל קאבעניש. א נייער חתן האט זיך בעוויזען אויף דעם שדוך־הימעל. א וואשנער חתן, א געהויבענער און א מיוחסדיגער.

מיט אן איינקומעניש און מיט א נא־מען.

דאס איז אונזער גוט בעקאנטער קלע־מאנסא. שוין אפילו אן עלטערער בחור אין די זיבעציגער אבער א חשובער בחור. ער שטעהט אין שדוכים. ער האט בע־לאסען חתונה האבען צוליעב צוויי טעמים.

ערשטענס, האט ער פערענדיגט די גרויסע וועלט־מלחמה, איצט מעג ער זיך שוין אונטערנעהמען, זאגט ער, א נייע מלחמה, האט איינגעבראכען אזא מעכטיגען־שונא ווי דער דייטש איז א האפנונג אז ער וועט א ווייב אויך בייקומען. אמת טאקי א ווייב איז דיר ניט קיין דייטש, נאר נישקשה מען קען זיך שוין איינשטעלען.

מען זאגט א ווערטעל: פאהרסטו אויפ'ן ים, טהו תפלה איין מאל, געהסטו אין מלחמה, טהו תפלה צוויי מאל, נעהסטו חתונה האבען, טהון תפלה... ...ער, אהן א סוף...

א סימן, אז דאס איז די גרעסטע מלחמה.

איצט געהט ער ווייזען די גרעסטע העלדישקייט — ער געהט חתונה האבען.

נים אומזיסט טענה'ט מיינער א בע־קאנט אידעל, אז ער האט שוין דורכגע־מאכט א דרייסיג־יעהריגען קריג: שוין דרייסיג יאהר אז ער לעבט מיט זיין ווייב.

פאר דער גאנצער צייט האט קלעמאנ־סא זיך נים ערלויבט חתונה צו האבען.

קלעמאנסא — דער בלוטיגער שונא פון דייטשלאנד, דער גרויסער רעוואנ־שיסט וואס האט זיך 50 יאהר ארומגע־טראגען מיט איין געדאנק: מלחמה מיט דייטשלאנד האט דען נים געקענט זיך ער־לויבען א צווייטע מלחמה. צו קעמפען אויף צוויי פראנטען און ווער ווייס צי ער וואלט נים געהאט נאך א דריטען פראנט, נאך א שרעקליכערן פון יענע ביידע פראנטען — א שוויגער.

און איך בין נישט זיכער, צי וואלט ער נישט די מלחמה מיט דייטשלאנד ...אן פערלוירען.

די געשיכטע ווייסט א סך צו דער־צעהלען, וויפיעל גבורים, העלדען און קיסרים, האבען צוליעב זייערע ווייבער נעביך געכאפט די מפלה.

עס איז פונדעסטוועגען כדאי צו זעהן, ווי אזוי אונזער גרויסער איש־מלחמה קלעמאנסא מיט זיין טיעפע דיפלאמאטיע, מיט זיין אייזערנעם ווי־לען וועט אויסזעהן, ווען מען וועט איהם אוועקשטעלען נים אל גיפ מיט — א ווייב! מיט זיין אייגען ווייב!

איך האב עוזר מורא, צי וועט אט דער שרעקליכער פראנצויזישער טיגער נישט פערוואנדעלט ווערען אין א וויי־לעמעלע.

ווארום א מלוכה־מאן און א ווייב'ס א מאן איז צוויי פערשידענע זאכען.

איך ווייס א דיפלאמאט, וואס איז די שרעק פון גאנץ אייראפא, וואס האלט די וואגשאל פון א האלבע וועלט, וואס, נאכדעם, ווי ער איז גובר א צעהנדליג פארטייען אין פארלאמענט און פיהרט־דורך דעם שטרענגסטען געזעץ אין לאנד, און קומט אהיים, כאפט ער נאך פון זיין ווייב דעם אמת'ן "פעטשאטעק" מיט א שענע פארציע, דערפאר, וואס ער האט פערשפעטיגט צו מיטאג.

און דער מלוכה־מאן, וואס האט נאר־וואס געהאלטען אין פארלאמענט די פייערדיגסטע רעדע און צוקלאפט אלע זיינע געגנער און שונאים, רוקט־אן די טיבע היטעל און שווייגט.

א ווייב איז א גרויסע זאך.

אין פאליטיק איז די פרוי אן אוצר. "שערשע לא פאם" — זאגט דער פראנצויז. הינטער יעדע פאליטישע פערדרעהעניש, הינטער יעדער צרה — זוך די פרוי. און דעריבער מוז א פאלי־טיקער האבען א ווייב: ער זאל קאנען טון, וואס איהם גלוסט זיך. אי וואס? — זוכט די פרוי.

מיין פריינד זאגט שוין לאנג, אז פון א ווייב האט מען די גרעסטע נוצען. אויף יעדען קאנטראקט, וואס מען וויל מבטל מאכען, קאן מען האבען א טענה: מ י י נ ע וויל נישט. מ י י נ ע ר געפעלט נישט. מ י י נ ע איז נעגען.

מעהר נישט, די לעצטע צייט האט מען אין די קאנטראקטען אנגעהויבען אריינצושטעלען בלי שום טענה "ומיינע ומענה", משמעות, אז "מיינע" זאל אויך קיין דעה נישט זאגען. דאס איז שוין א ביסעל שווערליך.

און דאך איז א ווייב די טייערסטע און נוצליכסטע זאך ביי קלענערע שווינד־לערייי, א פשיטא שוין ביי פאליטיקער.

נאר ווי די מעשה זאל נישט זיין, קלעמאנסא נעהט חתונה האבען.

בעשערט די דייטשען אזוי גיך צו זעהן א נקמה אין זייער בלוטיגען שונא.

רעזאלוציאנען פון דער קאנווענשאן פון אוקראינער פארבאנד

(שלוס פון פירדזש 5)

קיין אוקראינע.

ח) שאפען אין ארץ־ישראל און אמע־ריקא היימען פאר די יתומים פון אוקראינער אידען.

דער נאציאנאלער פארבאנד זאל באשטעהן פון די פאלגענדע ראיאנען: ניו יארק, פילאדעלפיא, ניו ענגלאנד, שיקאגא, דעטראיט און אין אנדערע צענטערס ווען עס וועט זיין נויטיג.

די ראיאנען האבען פאלשטענדיגע אוטאנאמיע אין דעם הינזיכט ווי אזוי אנצוגעהן מיט דער ארבייט, אבער זיי מוזען טאן קיין ארבייט וואס זאל זיין אין קאנפליקט מיט די פרינציפען פון דעם נאציאנאלען פארבאנד.

דער פארבאנד פון די אוקראינער אי־דען אין אמעריקא איז א זעלבסטשטענ־דיגע ארגאניזאציע און שטרעבט צו אר־בייטען אין הארמאני מיט די אלע עק־זיסטירענדע, צענטראלע רעליף ארגא־ניזאציעס.

די קאנווענשאן פון דעם אוקראינער פארבאנד אין אמעריקא ערקלערט, אז אין זיין טעטיגקייט אין הילפס־ארבייט וועט ער זיך האלטען ביי די פאלגענדע גרונד־פרינציפען:

1) די הילפס־מיטלען, וואס וועלען געזאמעלט ווערען דורך'ן פארבאנד אויף זיינע לאנדסמאנשאפטען — סיי אין געלט און סיי אין פראדוקטען — וועלען דורך ספעציעלע שליחים אריבערגעבראכט ווערען קיין אוקראינע און דארטען איבערגעגעבען ווערען אין רשות פון געוועהלטע קהלות אדער דעמאקראטיש צוזאמענגעשטעלטע הילפס־קאמי־טעען. די פארוואלטונג און פארטיילונג פון די הילפס־מיטלען וועט דורך געפיהרט ווערען אויסשליסליך דורך ארטיגע ארגאניזאציעס.

אין די שטעדט, וואו אזעלכע ארגא־ניזאציעס זענען נימא, דארפען זיי גע־שאפען ווערען מיט דער הילף פון'ם שליח.

2) דריקט אוים איהר וואונש, אז די הילפס פון די מיטלען, וואס עס פאר־מאגט דער פארבאנד, זאלען געגעבען ווער־ען אויסשליסליך דורך פראדוקטען, קליידער, ספורות, קרעדיט און מאשינען. צו דער ארבייט דארפען צוגעצויגען ווער־ען מעגליכערווייזע די עקזיסטירענדע קאאפעראטיוען.

רעזאלוציע פון עמיגראציאן

די קאנווענשאן פון די אוקראינער אידען אין אמעריקא, וועלכע רעפרעזענ־טירט אן ארך א מיליאן אמעריקאנער אידישע בירגער ווענדעט זיך צו דער רעגירונג און פאלק פון די פאראייניגטע שטאטען מיט דעם דרינגענדען רוף קו־מען צו הילף די אומגליקליכע אידען אין אוקראינע, וואס ווערען אונאויפהערליך געקוילעט און געריבעט.

אין נאמען פון מענשליכקייט, אין נא־מען פון די נאבעלע אמעריקאנער פריי־הייטליכע טראדיציעס, אין נאמען פון מיליאנען געמורד'טע, פארלאנגט די קאנ־ווענשאן, אז די טויערען פון אמעריקא זאלען געעפענט ווערען פאר מארטירער פאר די יתומים און אלמנות פון די פא־גראמירטע אוקראינער אידען.

די ארגאניזירטע אוקראינער אידען, וואס שטאמען פון אוקראינע ערקלערען פייערליך, אז זיי נעמען אויף זיך די אחריות און פוב צו פאהוגען די איינ־געוואנדערטע קרבנות פון די פאגראמען.

כדי דורכצופיהרען אין לעבען דעם דאזיגען וואונש פון דער קאנווענשאן דארף אויסגעקליבען ווערען א קאמיסיע פון פינף.

די קאנווענשאן פון די אוקראינער אידען אין אמעריקא באגריסט די איינ־ציאטיווע פון די אידישע דעלעגאציע אין פאריז צונויפצורופען אן אלוועלט־ליכע קאנפערענץ פון די אידישע הילפס־ארגאניזאציעס, כדי צו קאארדינירען די טעטיגקייט פון איינצעלנע אנשטאלטען, איינפיהרען אן איינהייטליכען סדר אין דער הילפס־ארבייט און אנידער־שטעלען זי אויף דעמאקראטישע יסודות. די קאנווענשאן פאדערט אויף אלע אידישע הילפס־ארגאניזאציעס אין די פאראייניג־טע שטאטען צו נעמען אן אנטייל אין דער קאנפערענץ און דריקט אוים די האפנונג, אז אויך דער פארבאנד פון די אוקראינער אידען אין אמעריקא וועט צוגעצויגען ווערען צו דער גרויסער נאציאנאלער אויפבויאונגס־ארבייט.

אגריוונגס קאמיטע באשטעהענד פון א י י ן פ א ר ש ט ע ה ע ר פון יעדען דיסטריקט פ א ר ב א נ ד. אנ־געשלאסען אן דעם אוקראינער פארבאנד אין אמעריקא זאלען שליכטען אלע מיס־פארשטענדניסע, גריוונסעס פון אפיסערס, מעמבערס פון דער באארד און ברענטשעס וואס איז מיט זיי אנגעשלאסען. זייער באשלוס איז בינדענד ביז נעקסטער קאנווענשאן.

די קאנווענשאן אינסטרואירט די עקזעקוטיוו צו נעמען אלע נויטיגע מיט־לען אום אריינצונעמען אלע אוקראינער לאנדסמאנשאפטען אונטער דעם פליגעל פון דעם פארבאנד.

מיר רעקאמענדירען צו דער קאנווענ־שאן דאס מיר נעמען גערן אן די פאר־שפראכענע דיענסטע פון ראיטען מגן דוד און דאנקען זיי פאר זייער ווירקונגקייט.

די קאנווענשאן דריקט אוים איהר דאנק און אנערקענונג צו די שלוחים פון אוקראינא, דר. קאראלניק און מ. גראס־מאן, פאר דעם גרוס וואס זיי האבען געבראכט פון אונזערע ברידער פון או־קראינא און פאר זייער העלפען אונז אין אונזער ארבייט און ביי דער קאנווענ־שאן.

אוקראינער פארבאנד 3

מיר רעקאמענדירען אז אלע קאמי־טעס וואס וועלען געשיקט ווערען קיין אוקראינא זאל דורכגעהן א רעפערענדום פון די מיטגלידער פון די לאנדסמאנ־שאפטען.

אין פאל ווען א קאנדידאט ווערט צוריקגעוויזען ווערען פון דער גאווערנ־מענט דאן זאל די צווייטע גרעסטע צאהל שטימען זיין דער פאסענדע קאנ־דידאט.

די פארזאמלונג ביי דער קאנווענ־שאן פון אלע אוקראינער אידען אין אמע־ריקא, אין פילאדעלפיא, פאדערט אויף די עקזעקוטיוו קאמיטע פון דעם אידי־שען קאנגרעס צוזאמענצורופען דעם קאנ־גרעס ניט שפעטער פון דעם באשטימטען דאטום. אויך איז אונזער פאדערונג אז דער קאנגרעס זאל בלייבען אלס שטענ־דיגע פערמאנענטע אינסטיטוציע.

אויך רעקאמענדירען מיר אז די עק־זעקוטיווע פון פארבאנד זאל זעהן צו זיין פארטראטען דורך די נויטיגע צאהל דעלעגאטען, וועלכע זאלען ערוועהלט ווע־רען ביי די עקזעקוטיווע.

די קאנווענשאן פארפליכטעט זיך מיט אלע מיטלען אונטערצושטיצען אונ־זער שליח מ. קאץ און זיין ארבייט אויף יענער זייט ים.

א אידישע נוירסערי געגרינדעט

יערטער רעדאקטאר פון „וועג"

אזוי ווי איך איז באוואוסט אז פאר א יאהרען זיינען מיר געווען די גרינ־...

איין דעי נוירסערי, ווארים קיין קינדער אונטער 4 יאהר טאן מען נים אריינגעה־מען אין בית יתומים. יעצט איז די פרא־גע וואס וועט מען טאן מיט די קליינע קינדער אונטער 4 יאהר וועמעס מוטער אדער פאטער שטארבען חלילה, ווען דער פאטער שטארבט און די מוטער וויל געהן ארבייטען. האבען מיר געגרינדעט איין דעי נוירסערי ווען די מוטער וויל געהן ארבייטען און איבערלאזען איהרע קינדער זאל זי ברענגען אין דער פריה די קינדער און אויף דער נאכט זיי אהיים נעהמען און איין נוירסערי פאר קליינע קינדער יתומים'לאך פון איין טאג ביז 4 יאהר נעהמען מיר זיך אונ־טער מיט גאטס הילף און די הילף פון דערם פון דעם בית יתומים. יעצט שטעהט שוין דער בית יתומים אויף איין שטיקעל באדען האבען מיר זיך. ארומגעזעהען אז אויסער דעם בית יתומים איז נויטיג גוטע מענשען מעמבערס, זאלען מיר עס קענען אויספירען. מיר האבען צו קויפען איין פאסיגע הויז פאר איין נוירסערי עס פעהלט נאר געלד. געלד? אבער ווער וועט זיך אפזאגען צו געבען פאר אזאן היילינגען צוועק ווי א נוירסערי? מיר וועלען רופען גלייך איין מיטינג. מעמ־בערס און נייע מעמבערס זאלען קומען צו דיעזען וויכטיגען מיטינג פיר דער־גרינדונג פון א נוירסערי און דעי נויר־סערי.

די קאמיטע.

Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
Detroit Office 255 Napoleon St

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

מיר פארקויפען ריטייל צו האלסייל פרייזען.

אלעס קריגט איהר ביי אונז

דימאנטען
פון 50 דאלאר און העכער

פערל
בילינע, מיטעלמעסיגע און טייערע

זיינערס
פאר מענער און פרויען, גאלדענע און גאלדגעפילטע

רינגען
פאר מענער און פרויען, גאלדענע, סיגנעט יאפאנעזישע, אויך מיט אלער־ליי שטיינער

סעטינעלאך
פאר ליידיס, לעצטע סטיילס, ווייסע, גרינע, געלע און פלאטענע

קייטעלאך
גאלדענע, 14 קערעט, אלע סטיילס.

The Boston Wholesale Jewelers
169 Griswold St.
8-טער פלאר. נעהמט דעם עלעוויטאר.

אונזער מאטא: צו וואס צאלען טייערער, ווען מ'קריגט בילינער.

פרובט געהן פריהער ערגעץ אנדערש און דערנאך קומט צו אונז

מיר גאראנטירען יעדען ארטיקעל און זיין פולען ווערט.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

847-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 3c. DETROIT, MICH., Sunday, March 21st 1920 Vol. 2, No 33 זונטאג 21־טער מערץ 1920

ניובערי שולדיג; קריגט 2 יאהר פריזאן און $10,000 שטראף

16 אנדער פאר'משפט און באשטראפט

גרענד רעפידס, מארטש 20. — סענאטאר ניובערי האט ערקלעהרט דאס ער וועט פארטזעצען צו פארטרעטען אין סענאט פון די פאראייניגטע שטאאטען דאס פאלק, וואס האט איהם ערוועהלט".

גרענד רעפידס, מארטש 20. — ריכטער סעשאנס האט היינט בייטאג ארויפגעלעגט א שטראף פון 2 יאהר אין דער פעדעראלער געפענגניש אין פארט ליווענווארט און א צעהן טויזענד דאלאהדיגען שטראף אויף סענאטאר טרומאן ה. ניובערי. די זעלבע שטראף האבען אויך געקראגען פאול ה. קינג און פרעדעריק קאדי. צעהן פון די איבעריגע 14, וואס זענען געפונען געווארען שולדיג פון דער דזשורי, זענען פון ריכטער סעשאנס באשטראפט געווארען אויף פארשידענע טערמינען. 4 זענען אפגעקומען נאר מיט געלט־שטראף אליין.

גרענד ראפידס, מארטש 20. — טרומאן ה. ניובערי איז געפונען געווארען שולדיג אין דעם ווערדיקט, וואס די דזשורי האט ארויסגעגעבען היינט 11:25 אין דער פריה.

גלייכצייטיג מיט איהם זענען אויך געפונען געווארען שולדיג די פאלגענדע 16 אנגעקלאגטע: פאול קינג; דזשאהן ס. ניובערי; טשארלס א. פלאיד; ב. פרענק עמארי; הערדי א. טוירנער; האניבאל א. האפקינס; ע. וו. טשילזאן; מילטאן אוקמאן; ראדזשער מ. ענדרויס; וויליאם דזש. מיטשעל; פרעדעריק קאדי; דזשארדזש ס. לער; עלען א. טעמפליטאן; דזשיימס פ. מעקגרעגאר; ריטשארד ה. פלעטשער.

די אלע זענען געפונען געווארען שולדיג אויפן ערשטען פונקט פון דער אנקלאגע, וועלכער באשולדיגט די אנגעקלאגטע אין קרימינאלער קאנספיראציע אין די וואהלען צום סענאט פון יאהר 1918.

די אויספארשונג וועגען די קאמפיין אויסגאבען פון סענאטאר ניובערי וואס די רעגירונג האט אנגעפאנגען לעצטען פריהלינג האט געגעבען גענוג באווייזע אנצוקלאגען דעם סענאטאר און נאך 123 פערזאן פון מישיגאן סטייט. צו דער זעלבער צייט, ווען די רעגירונגס אויספארשונג האט זיך אנגעהויבען, האט די ניו־יארקער פעדעראל גרענד דזשורי אויפגענומען דיזע פראגע. אבער קיין באשולדיגונג איז פון איהר ניט ארויסגעגעבען געווארען.

דאן האט דער דיסטריקט אטארני פון גרענד רעפידס אנגעפאנגען זיין אייגענע אויספארשונג און מיט דער הילף פון פעדעראלע יוסטיץ אגענטען איז די אנקלאגע געגען סענאטאר ניובערי און די אקטיווע ארויסהעלפער זיינע פארגעבראכט געווארען פאר דער גרענד דזשורי פון פעדעראלען קאורט אין דער אקטאבער סעסיע.

דעם 12טען יאנואר 1920, האט ריכטער סעשאנס באשטעטיגט די אנקלאגע און דעם 27טען יאנואר האט זיך סענאטאר ניובערים משפט אנגעפאנגען. צוזאמען מיט איהם זענען אויך אנגעקלאגט געווארען 134 פערזאן, וועלכע האבען איהם געהאלפען אין זיין קאמפיין. די דזשורי איז איינגעשווארען געווארען דעם 31טען יאנואר. דעם 2טע פעברואר האט פרענק דיילי געהאלטען זיין ערשטע אנקלאגונגס רעדע.

דעם 2טען מארטש האט ריכטער סעשאנס, אויף דעם פארשלאג פון דיילי'ן, דעם פראסעקיוטאר, מבטל געמאכט די אנקלאגע געגען 23 אנגעקלאגטע און נאך אנדערע 15 אנגעקלאגטע האט דער געריכט אויף אייגענער אחריות באפרייט.

דעם 15טען מארטש האבען זיך אנגעפאנגען די לעצטע רעדעס פון דער אנקלאגע און פארטיידיגונג. זיי זענען פארענדיגט געווארען דעם 18טען מארטש. אין דעם זעלבען טאג האט ריכטער סעשאנס געהאלטען זיין רעדע צו דער דזשורי. דעם 19טען מארטש אין דער פריה האט די דזשורי אנגעפאנגען באטראכטען דיא באווייזע און דעם 20טען 1:15 פריה־מארגענס האט זי ארויסגעטראגען דעם ווערדיקט „שולדיג" געגען סענאטאר ניובערי און 16 אנגעקלאגטע. די איבעריגע פון די 85 זענען פון איהר באפרייט געווארען.

היינט שפיטאל מאס־מיטינג אין אוקלאנד

אין דער אהבת אחים שול (קארנער דאלמא און וועסטמינסטער) קומט היינט פאר דער מאסמיטינג פארגרופען פון דער היברו האספיטאל אסאסיאיישאן.

די אסאסיאיישאן האט זעהר גליקליך געטאן וואס זי האט די אקלענדער אידען צוגעטיילט דעם כבוד און דערוויילזיי געגעבען א געלעגענהייט אויסצוהערען די פלענער, ציעלען און אויפגאבען וואס די מתעסקים פון דעם האספיטאל האבען זיך געשטעלט.

עס איז נישט מעהר ווי רעכט אז אלע אידישע קהלות זאלען האבען א געלעגענהייט צו העלפען אין דער ארבייט, וועלכע דארף אינטערעסאנט זיין אלעמען און וועלכע איז נוגע יעדען אידען פון און ארום אונזער שטאדט.

ביים היינטיגען מיטינג וועלען אנוועזענד זיין די פאלגענדע רבנים ומטיפים: רבי הארוויץ, רבי איישישקין, רבי תאומים, רבי אייזמאן און אנדערע.

עס ווערט ערווארטעט אז די אקלענדער אידען זאלען קומען אין מאסען צו דיעזען מיטינג און אויסהערען די געעהרטע רעדנער און די מתעסקים פון דער היברו האספיטאל אסאסיאיישאן.

העסליכע פאסקווילען געגען אידען אויף בערלינער גאסען

בערלין, מארטש 20. — די באלטישע טרופען (די סאלדאטען, וועלכע האבען פארכאפט לעצטען שבת די רעגירונגס מאכט און געהאלפען די מאנארכיסטען צו פארנעהמען בערלין) ווערען באשולדיגט צו זיין די הויפט פארברייטער פון דעם איצטיגען אנטיסעמיטיזם. זייערע אפיצערען האבען עס צעטיילט די העסליכסטע פול מיט בלבולים אויף אידען, בלעטלאך אויף די בערלינער גאסען געגען אידען. זענען טאקע פיעל געקומען פון די „באלטישע" אפיצערען און סאלדאטען.

די אידישע באפעלקערונג אין בערלין איז נאך דער רעוואלוציע פון נאוועמבער 1918 פיעל פארגרעסערט געווארען. א דאנק דעם, וואס דארטען זענען אנגעפאהרען אידען פון רוסלאנד, פוילען און גאליציע. זיי זענען דארטען געקומען צוליעב דער מורא פאר פאגראמען אין דיעזע לענדער, ווי דאס האט טאקע, צום אומגליק, פארגעקומען. די בערלינער אידישע באפעלקערונג איז איצט ארום 210 טויזענד.

די אידישע באפעלקערונג זעהט איצט אויך ווייט ווי ס'איז מעגליך, ניט צו ווארפען זיך אין די אויגען. זיי זיצען אין זייערע הייזער און מיידען אויס די גאסען.

די אנטיסעמיטישע באוועגונג אין בערלין איז איצט, ווי שטענדיג, געציעלט געגען דער ראדיקאלער באוועגונג. די דייטשע קאנסערוואטיווען רעכענען מיט זייערע אנטיסעמיטישע העצעס אפצושוואכען די אלץ וואקסענדע מאכט פון די דייטשע ארבייטער.

היינט מיטגליעדער קאמפיין פאר „קינדער היימען"

היינט דער מיטגליעדער קאמפיין פאר די „קינדער היימען", וואס די דעטראיטער רעליעף ארגאניזאציע פיהרט אן צווישען די היגע אידען. דאס אידישע דעטראיט מוז העלפען די אידישע יתומים'לאך פון יענער זייט ים. וואלונטירען נויטיג פאר'ן ערפאלג פון דיעזען קאמפיין. זאלען אידישע יונגע לייט און מיידלאך קומען אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט, 204 הענקאק, היינט 10 א זייגער פריהמארגענס.

אי אוקלאנד וועלען די וואלונטירען ארויסגעשיקט ווערען פון ארבייטער אינסטיטוט, 93 רעלמאר עוו.

נעגערישער גלח מאהנט רענט מיט א רעוואלווער אין האנט

ראבערט ב. לאווי, 61 יאהר אלט, א נעגערישער גלח און א שטארקער אנהענגער פון יאסעלעס תורה, וואס הייסט אונטערשטעלען די צווייטע באק, ווען מ'קריגט א פלעם אין איינער — האלט ווייזט אויס. פונ'ם כלל, אז פרעדיגען און פראקטיצירען זיינען צוויי באזונדערע זאכען.

פרייטאג איז דער נעגערישער פארשפרייטער פונ'ם „ערלייזער'ס" תורה ערשינען אין פאליס־קאורט אונטער א קלאגע אז ער האט מיט א רעוואלווער אין האנט געסטראשעט זיין טענאנט, מר. הערבערט וואקס, אז אין פאל ער צאהלט איהם קיין רענט די מינוט, וועט ער איהם שיקען אויף יענער וועלט ליידערען זיין זינדיגע נשמה...

דער נעגערישער פרעדיגער האט זיך פארענטפערט אין קאורט, אז ער האט געמיינט דערמיט בלויז אפצובלאפען (בלאף איז, ווייזט אויס, אויך א ריין קריסטליכער איסיקעל...) זיין טענאנט. אום יענער זאל זיך דערשרעקען און גלייך ארויס מיט'ן דירה־געלט.

דזשאדזש סטיין האט דעם נעגערישען קריסטליכען בעל־דרשן געגעבען צו פארשטעהן, אז בלאף איז א זאך, וואס געהערט אויסשליסליך צו „האלדאפניקעס" און נאך אזעלכע תכשיטים, אבער אזוי ווי ער האט געהאט דאס אומגליק א מאל צו גלאצען די אויגען פאר דעם „האלי ספיריט" — וועט איהם דער בלאף קאסטען $10.

די דעי נורסערי ארגאניזאציע ווערט טעטיג.

מארגען אוונט וועלען די פרויען וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דער גרינדונג פון א דעי נורסערי זיך פארזאמלען אין עטינגערס האל קארנער בענטאן און סט. ענטוויין, וואו עס וועלען ארומגערעדט ווערען די פלענער פאר א ווייטער טעטיגקייט.

די דעטראיט'ער אידישע פרויען האבען שוין געהאט די מעגליכקייט צו איבערצייגען, אז זיי זיינען פעהיג צו טאן וויכטיגע און נוצליכע ארבייט; זיי האבען איבערצייגט אז זיי שרעקען זיך נישט אפ פאר קיין אונטערנעהמונג און אז ווען זיי נעהמען זיך אונטער עפעס צו טאן, טוען זיי זייער ארבייט בשלמות און מיט ערפאלג, ווארים כל זמן עס איז ווילען פאראן, איז אויך מעגליך צו ערגרייכען די ציעלען.

און וואס די דעי נורסערי ארגאניזאציע נויטיגט זיך אבער אממעהרסטען איז מיטהעלפער און קרעפטען. זאלען זשע די היגע פרויען, וואס זיינען ביז איצט געשטאנען פון ווייטענס קומען מארגען און העלפען אי דער ארבייט.

אי מארגענדיגען נומער שרייבט ב. י. ג—ן אין זיין לעצטען פיידיש עדיטאריעל וועגען דער דעי נורסערי אויספיהרליך.

יונקערס נעהמען זיך צו אנטיסעמיטישע העצעס

בערלין, מארטש 19. — נאך דער מיאוס'ער מפלה וואס די דייטשע יונקערס און מאנארכיסטען האבען געהאט, ווען זייערע פיהרער זענען מיט שאנדע פארטריבען געווארען פון בערלין, האבען זיי זיך א נעהם געטאן צו זייערע געוועהנליכע וואפען: אויפצורייצען די ניעדריגע מאסען געגען דער אידישער באפעלקערונג.

א פלוצלימדיגע און ווייט פארשפרייטע אויפלעבונג פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג האט זיך געלאזט שטארק באמערקען היינט א גאנצען טאג אין פארשידענע טיילען פון שטאט. בלעטלאך זענען פארשפרייט געווארען, וואו ס'ווערט פראטעסטירט געגען אידען, וואס פארנעהמען רעגירונגס שטעלעס און וועלכע באמיהען זיך אויפצורייצען די עפענטליכע מיינונג געגען די אידען. קארטונס ווערען פארשפרייט וועלכע שטעלען פאר דאס דייטשע פאלק, ווי עס ליידט הונגער און פארבאכטען שטייג אין לעבען אים שטעהן פעטע און וואוילהאבענדע אידען מיט זייער בליק געווענדעט אויפ'ן שטייג און זיי וואלטען געזאגט: „שפייזט ניט דיא חית'". די אידישע באפעלקערונג איז איינגעשראקען און איהר שרעק פאר פאגראמען.

פארמאסקירטע גענגסטערס בארויבען א הויז

טשארלס מ. סטיווענס פון 66 גילבערט עוו., האט זיך פארקלאגט פאר דער פאליציי, אז לעצטען פרייטאג 1:30 ביינאכט זיינען פינף פארמאסקירטע באנדיטען צוגעפאהרען אין אן אויטאמאביל צו זיין הויז, אנגעציעלט רעוואלווערען אויף איהם, זיין פרוי און זיינע 2 קינדער און בארויבט $100 פון זיינע קעשענעס, א הונדערט דאלארדיגען דיאמאנט רינג און $800 אין געלט פון א קאמאד.

ש. ניגער אין דעטראיט

ווי עס איז שוין געמעלדעט געווארען, וועט ש. ניגער האלטען א פארטראג איבער דער טעמא „ח. נ. ביאליק" זונטאג ביי טאג, דעם 28טען מארטש, אין ליבאר ליסעאום אודיטאריום. איינטריט איז 50 סענט און בילעטען קאן מען שוין באקומען אין די פאלגענדע פלעצער:

נארהאנ'ס בוך סטאר, 541 הייסטינגס סט.

אוטשענקא'ס בוך סטאר, הייסטינגס קאר. ארעלייד.

וויקטאר'ס דראג סטאר, 418 הייסטינגס סטריט און אויך אין אפיס פון „וועג", י. ל. פרץ ליטעראר. פאראיין.

חכם עתיק און נישט ר' ברוך'ל

אין פרייטאגדיגען נומער „וועג" איז ערשיענען א הומארעסקע „א מעשה מיט א פרויען זייגער'ל" און דער נאמען פונם שרייבער איז אנגעגעבען ר' ברוך'ל.

אויף אן אנדער פלאץ אין דעם היינטיגען נומער וועט דער לעזער געפינען א ביטער בריוועל פון ר' ברוך'לען וועלכער איז ענטריסטעט קעגען דיזען טעות. ווארים נישט זיין איז דאס, נאר פון דעם יונגען הומאריסט חכם עתיק.

פרוי ארעסטירט אלס רויבער

ראוז האבארד, ווערט איצט געהאלטען אונטער $2,000 בייל אויף דער באשולדיגונג, אז זי האט מיט'ן לינקען זייט פון א רעוואלווער אזוי לאנג געבאראבאנע'ט איבער'ן קאפ א געוויסען פ. דזש. מארס, ביז ער איז געווען געצוואונגען איהר אפצוגעבען זיינע 60 דאלאר וואס ער האט מיט זיך געטראגען.

צוויי און האלב מיליאן אידען אין פוילען ביים שוועל פון אונטערגאנג; הילף נויטיג

מר. קאפלאן, פון דער היגער סענטראל רעליעף קאמיטע, גיט אונז איבער פאלגענדע מיטטיילונג, וואס ער האט באקומען פונ'ם ניו־יארקער הויפט אפיס:

ווארשא, מארטש 8. — א צענזוס באווייזט, דאס צוויי און א האלב מיליאן אידען זיינען אויפ'ן שוועל פון אונטערגאנג, אלס רעזולטאט פון הונגער, קראנקהייט און שרעקליכען קליידער־מאנגעל. דריי הונדערט טויזענד אידישע קינדער נויטיגען זיך אין שפייז און דער מאנגעל איז אזוי גרויס, אז א העלפט פון דיעזער צאהל קינדער געהט בוכשטעבליך אויס פון הונגער. די צענטראל רעליעף אגענטורע אין ווארשא האלט זיך ביים צושליסען, ווייל עס איז ניטא גענוג געלט אנצוגעהן. דאס וועט זיין א גרויסע קאטאסטראפע. 70 פראצענט פון די קינדער ליידען פון פארשיעדענע קראנקהייטען. די אלגעמיינע שטערבליכקייט האט זיך אין איין פארגרעסערט.

א שרעקליכע טיפוס עפידעמיע בושעוועט אין לאנד. די דאזיגע עפידעמיע האט באריהרט 90 פראצענט פון דער באפעלקערונג. מען מוז זאפארט האבען 10 טויזענד טאן מעהל א מאנאט, און אנדערע שפייזשטאפען. עס מוז זאפארט אריינגעשיקט ווערען לכל הפחות פאר א מיליאן דאלאר קליידער און שיך, ווייל מענשען געהען אבסאלוט נאקעט און בארוועס.

באזונדער שלום מיט דייטשלאנד פארלאנגט אין קאנגרעס

וואשינגטאן, מארטש 20. — א פאראייניגטע רעזאלוציע איז היינט אריינגעבראכט געווארען אין קאנגרעס צו ערקלעהרען א פריעדנס צושטאנד צווישען די פאראייניגטע שטאאטען און דייטשלאנד. די רעזאלוציע האט אריינגעטראגען דער רעפובליקאנער קאנגרעסמאן טינקהעם. דיזע רעזאלוציע רופט צוריק די פאראייניגטע רעזאלוציע וואס איז אנגענומען געווארען דעם 6טען אפריל 1917, ווען קריעג איז דערקלעהרט געווארען.

אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט, דאס אמעריקא פארפליכטעט זיך ניט, אין פאל פון א צוקונפטיגער אייראפעאישער מלחמה, צו נעהמען מיליטעריש אן אנטייל אין איהר.

דאס, וואס דער סענאט האט געכטען באשטימט ניט צו ראטיפיצירען דעם ווערסאלער שלום, וועט ניט האבען קיין ווירקונג אויף אמעריקא'ס שטעלונג צו דעם טערקישען שלום. עס ווערט ערקלעהרט, דאס אמעריקא איז קיינמאל ניט געווען מיט טערקיי אין א קריעגס צושטאנד און דארום איז טעכניש אמעריקא ניט קיין צד אין דעם שלום, וואס ווערט איצט מיט דער טערקיי געמאכט. פונדעסטוועגען האבען די עלייעס באשלאסען זיך צו צו הערען צו אמעריקא'ס מיינונג און ערלויבען איהר צו האבען א דעה אין דיזען שלום אפמאך.

נאך א קאנפערענץ וואס טומולטי האט געהאט מיט ווילסאנע'ן, האט ער געזאגט דאס דער פרעזידענט וועט קיין ערקלעהרונג ניט מאכען בנוגע דעם דורכפאל פון דעם שלום אפמאך אין סענאט.

עס ווערט ערווארטעט, דאס דער סענאט וועט אין גיכען באטראכטען די רעזאלוציע פון סענאטאר נאקס וועגען אן אנאפהענגיגען שלום מיט דייטשלאנד.

אין דעם פארלויף פון דער 7 שטונדיגער דעבאטע איבער דער ראטיפיצירונג רעזאלוציע אין סענאט, איז פרעזידענט ווילסאן שטארק אנגעגריפען געווארען פאר זיין עקשנות'דיגער שטעלונג און עס איז פון פיעל ארויסגעזאגט געווארען דאס דער ווערסאלער שלום וועט מוזען ווערען אריינגעצויגען אין דעם פאליטישען קאמף דעם קומענדען נאוועמבער.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

די דעטראיטער היברו האספיטאל אסאסיאיישאן האט שוין אמאל געוואלט אפגעבען זייער איניציאטיווע צו רייכע וואהלהאבענדע יאהודים, אזא פאל האט שוין פאסירט אין אן אנדער אידישען צענטער און פון דעם קענען מיר לערנען דעם ביישפיעל ווער עס דארף בויען א אידישע האספיטאל — וועגען דעם שרייבט מארגען אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין אין זיין לייטארטיקעל.

וואס זאגען די דעטראיטער ענגלישע צייטונגען וועגען דער סאלדאטעסקא וואס האט ארומגעכאפט אייראפא און אויך אמעריקא — דאס וועט אייך קלאהר ווערען ווען איהר וועט לייענען מארגענדיגען ארטיקעל „צווישען דעטראיט'ער ענגלישע צייטונגען" פון ז. ריוקענזאהן.

ווי האלט עס מיט דעם פלאן צו בויען א דרוקעריי אין ירושלים? — אט דיעזע פראגע האט אונזער מיטארבייטער ד. ראבינאוויטש געשטעלט דעם ה' לעאן זאלאטקאף וועלכער איז איצט א גאסט אין דעטראיט און וואס דער גאסט וועלכער איז דער איניציאטאר און סעקרעטאר פון דיעזער ארגאניזאציע האט געענטפערט, דארף אינטערעסאנט זיין יעדען אידען.

אן אינטערעסאנטער ארטיקעל אויף דער לעצטער פיהוש פון ב. י. ג—ן מכח דער דעי נורסערי וואס ווערט דא געפלאנעוועט.

עלייעס פלאנעווען צו שיקען ארמיי געגען דייטשע ראדיקאלען

לאנדאן, מארטש 20. — לויט באריכטען פון קאלאן, פלאנעווען די אליאירטע צו קאנצענטרירען זייערע טרופען, וועלכע געפינען זיך אין שטראסבורג און מעטץ טיעפער אין דייטשלאנד, אויב אין דעם ראהינען לאנד וועט ניט באלד צוריק שטיל ווערען. די עלייעס, ווערט איבערגעגעבען, זענען זעהר באזארגט איבער די לעצטע געשעהענישען פון די ספארטאקיסטישע אויפשטאנדען.

אין בערלין ווערט אפגעשאצט דיא צאהל קרבנות פון דער לעצטער וואך צו זיין מעהר פון 2 טויזענד.

א בערלינער דעפעש פון פרייטאג גיט איבער, דאס די זיכערונגס פאליציי דערשיסט אויפ'ן פלאץ יעדען אפיציער פון דער באלטישער ארמיי, וואס זי געפינט אין בערלין.

געכטען אוונט, לויט א באריכט, האבען די ספארטאקאנער פארנומען דוסעלדארף אהן אירגענד וועלכען ווידערשטאנד.

בערלין, מארטש 20. — עסען איז איבערגעגאנגען אין די הענט פון באוואפענטע ארבייטער נאך א העפטיגער שלאכט, אין וועלכער ס'זענען אומגעקומען, לויט באריכטען, מעהר פון 300 פערזאן. עס ווערט געמעלדעט, דאס קאמיסטען הערלאזען ניט צו באנייען דעם באהן־פארקעהר ביז זייערע פאדערונגען וועלען ניט ווערען באפרידיגט. דער רוהר דיסטריקט איז אונטער דעם איינפלוס פון באלשעוויזם. (די דייטשע ספארטאקאנער ווערען אנגערופען אין די דעפעשען באלשעוויקעס ווייל זיי זענען פאר דער סאוועטען פארם פון רעגירונג).

עבערטס סאלדאטען באמבארדירען רעגירונגס־געביידען פארנומען פון ארבייטער

לאנדאן, מארטש 20. — לויט א באריכט פון בערלין האבען סאלדאטען פון עבערטס רעגירונג באמבארדירט רעגירונגס געביידען אין לייפציג אין א פארזוך ארויסצוטרייבען פון דארט די דייטשע ארבייטער קרעפטען און אלס רעזולטאט פון דיעזער באמבארדירונג זענען עטליכע הונדערט פערזאן געטויטעט געווארען. דער זעלבער באריכט גיט איבער דאס אין די דאנערשטאג'דיגע שלאכטען אויף די בערלינער גאסען זענען 100 פערזאן גע'הרג'עט געווארען און מעהר פון 200 פארוואונדעט געווארען.

נאסקע ציהט צוריק זיין רעזיגנאציע.

פאריז, מארטש 20. — גוסטאוו נאסקע, וועלכער האט זיין רעזיגנאציע אלס פארטיידיגונגס מיניסטער אריינגעגעבען לעצטען דאנערשטאג, האט איצט באשלאסען צו פארבלייבען אויף זיין פאסטען, נאכדעם ווי די דעמאקראטישע און סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען האבען אויסגעדריקט צוטרויען צו איהם. נאסקע געפינט זיך נאך אלץ אין שטוטגארט.

פרייטאג האבען די צייטונגען געבראכט ידיעות דאס נאסקע איז דאנערשטאג אויף דער אויסערארדענטליכער זיצונג פון דער דייטשער נאציאנאלער פארזאמלונג אין שטוטגארט שטארק אטאקירט געווארען פון פיליפ שיידעמאן, דעם פיהרער פון די מעהרהייט סאציאליסטען און פון דר. הענקע, דעם פיהרער פון די אונאפהענגיגע סאציאליסטען. שיידעמאן האט איהם באשולדיגט אלס פייגלינג צוליעב דעם, וואס ער האט אהן א שום קאמף איבערגעגעבען בערלין צו די יונקערס. דר. הענקע האט איהם סארקאסטיש געפרעגט: פארוואס ער האט ניט באנוצט זיין אייזערנע מאכט צו צוברעכען דעם „רוקענביין" פון דער מאנארכיסטישער קליקע, ווי ער, נאסקע האט עס געדראהט צו טאן דער ארבייטער באוועגונג? נאסקע האט דאן גלייך רעזיגנירט, נאר עבערט האט זיין רעזיגנאציע ניט אנגענומען.

שלאכטען אין לייפציג הערען ניט אויף

לייפציג, מארטש 20. — ניט קוקענדיג אויף דעם אפמאך, וואס איז לעצטען מיטוואך געשלאסען געווארען צווישען די ארבייטער פיהרער און דער מיליטערישער מאכט צו שליכטען אויף א פרידליכען אופן די אנגעשטרענגטע באציהונגען, זענען דאך דאנערשטאג פארגעקומען צוזאמענשטויסען, וועלכע האבען פאראורזאכט פיעל מענשליכע קרבנות. דער באריכט גיט ניט איבער, דאס די ארבייטער האבען צוריקגעצויגען דעם אפמאך.

CLASSIFIED

די ארטהענד לאונדרי 728 הייס־טינגס סט.־ים.. צו אייך סיגנעלייט אויב איהר ווילט האבען או אייער לאונדרי זאל זיין געסייפט און ריכטיג געמאכט קומט צו אייער גוט באקאנ־טען פריינד יוסף מיקאפסקי וועלכער פאסט אויף, אז אלעס זאל ווערען גע־פיקסט פינקטליך 729 הייסטינגס סט. פאן מאלראוו 70 5 אר.

סטאר און פיקטשורס צו פאר־קויפען אין קאונטרי מיט 15 הינ־דערט דאלאר אין בעסטען לאקיישאן, קען קריגען א ליס 125 דאלאר א חודש רענט זיכער צו מאכע געלט. פרעגען י. 5. מאלאמוט אין „וועג" אדער באקס נומער 125 (אוגוסט 26) בראדע־ם)

כשרה הויזקיפער פארלאנגט. אין א פיינע אידישע הויז אין פאר־ט הור־אן. מוז קאנען גוט קאכען און אויך אויפפאסען די הויז. גוטע היים און גוט באצאלט צו די ריכטיגע פע־זאן. רייזע קאסטען אומגעקעהרט אויב גיט צופריערנשטעלענד. נאכפרעגען: ווק. לאנדאו, 75 פארנס־ווארטה. — טעל. נארטהוויי ר.1675 אדער בען לאנדאו, 620 ב־איש סט. מעל־און רזשיי 1310 (26

צופארקויפען. א הויז אויף 55 טשוי־טש יסט. מט. קלעמענס מישי־גאן. 10 רומס אלע מאדערנע אימ־פרואוומענטס, פרייז $8.000 איינ־צאהלען $3.500 פרעגען: נ. זוסמאן 2040 דושאזעף קעמפאו.

צו פארקויפען. א גוט עסטאבלירטע קריסטליכע בוטשער שאפ אויף 703 הייסטינגס, נעבען אילינויס, אורזאכע פארטנערס שטימען ניט. (26

צו פארקויפען א 7 רום הויז; מא־דערן צו דער מינוט, אויף קאמע־אן; נעבען האלברוק, איינצאהלען $2500. טעלעפאן נארטוועי 4967־עם.

פארלאנגט צו קויפען א געגוצ־טען קעש רעדזשיסטער. לאזט וויסען אין 1044 בוביען סט־ים, אין דריי־גודס סטאר.

עקספיריענסד סיילסמאן אין דריי־גודס און פעדלערס סופלאי, זוכט א פאזישאן. גוטע רעפערענס. פרעגען: מר. מעסער, 191 דיוויזשאן סטריט. טעל. קאדילאק 4114־עם (22

צום פארקויפען
מיט $4,000 קענט איהר קויפען זעהר א גוט עטאבלירטע קענדי פעק־טאר־י. ברייננט $300 א וואך. אייער געלט און אייער צוקונפט וועט זיין געזיכערט. נאכפרעגען באקס 15, אין אפיס פון „וועג" (22

פארלאנגט א בעל קריעה, זיך מעלדען אין בני יעקב שוהל, 152 אי־לינאיז סטריט (22

שומרי שבת, שניידערס, וועלכע היי־טען שבת, גוטע, ווידזשעס 5 טעג א וואך ארבייט, פרעגען: א. מעסער־מאן, 100 איסט קאנגרעס. (21

עקסטרא סיילעסלייט פאר־לאנגט. פרויען אדער מענער, צו אר־בייטען שבת אין אווענטען, מוזען דיי־רען פויליש, אויך איין סיילעסמאן פאר א שטענדיגען פאזישאן, גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאנען. פרעגען: ס. שווארץ 1421 שעי סטריט (22

קלאדינג און דזשענטס פארני־שינג סטאר, גוט איינגעטרייעטער סטאר, צו פארקויפען אין אן ארבייטער געגענד. זיכער א לעבען צו מאכען. אורזאכע — פארלאזען דאס לאנד, בי־ליג רענט. 1693 ראסעל סטריט, ס. סינעמאן. (21

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די גוטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
Frosh O. D.
אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגנאיבער עהרליך"ס דזשולערי סטאר.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

שיקט ארייז נאר 2 דאלאר

וועט איהר באקומען א **האלב יאהר צייט** איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.
דאס „פאלקסבלאט",
א **דעמאקראטישער** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"**, וועלכעס האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוי־לען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוי־לען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר אייך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.
דאס **„פאלקסבלאט"** וועט אייך אייך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר פירקניפען געשעפטליכע בעצי־הונגען מיט מזרח־אייראפא.
דער בעסטער און ליעבערנסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס „פאלקסבלאט"**. אדרעס:
Lodz, Petrokowska 37, Poland

באקאנטמאכונג —
רעו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר האט געמופט פון 263 פארנסווארט אין
140 מעדיזרי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נער מאכט נאר פון היינער האוואנא. פייבערים הייגט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דור־ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואורד
737 אוקלאנד עוו.

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע סינסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

קוואסעלאוו און קאטליערים
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נויי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

שעכטער'ס דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קוירטענס, פענסי דריי־גודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע
בלעטער, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלםסט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געזוזטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטארס.
ריעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עם.

ל. ה. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע
אפרידענהייט.
57 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען־פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דושיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

TELEPHONE CANAL 199
VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Corned & Pickled Beef Tongues, etc.
U. S. Inspection Establishment
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס:
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערלייי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

לענדלארדס אויפמערקזאם!

פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, ליסען אדער רענטע פאר ווייסע און ניגארס

הערים און לואיס

481 אנטוויין סטריט

טעל. טשערי 8014 (9

C. W. Kotcher Lumber Co.

ברעטער אכערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.
Melrose 3390

קאפלאן'ס באהגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
ענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־גענדע ליינס:
אמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קורטענס; טייבעל קאווערס; שעטס און קארפס. קאמפלים ליין אין ליידים פענ־טי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.
ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בויס סוטס און קאוטס. א קאמפלים ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

ווילט איהר סייווען 30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראנגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפלים ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

יעדער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן מעין 4420

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר־בייטער אינסטיטוט
— 204 **הענקאק איסט** —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־טעראריש אווענטען קאנצער־טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פערגעז אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא־סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניע, יוגא־סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דזשענעראל סטים שיף און
געלד איבערשיקונג אפיס
C. Leidich 69 W. Fort St.

די פיעפעלס נייששאנאל באנק

1842 רזשאזעף קעמפאו
האט ערעפענט
א פארייז עקסטשענזש
נאכ'ן טעגליכען קורס.

פאר אינוועסטארס

Mathew Finn
פרעזידענט פון פיפעלס נעשאנאל
Private Bank
— אין —
פארעין עקסטשיינדזש או דזשענעראל בענקינג
82 Griswold St.

איר קענט שיקען געלט אין פוילען

דורך דער

Bank of Detroit

א. זינגלער מענעדזשער

היסטינגס סטריט ברענטש:

די געצוואונגענע זונטאג רוה אין פוילען

נישט קוקענדיג אויף אלע פראטעס־טען פון דער אידישער געזעלשאפט האט די פוילישע מאיאריטעט צוזאמען מיט דער רעגירונג באשלאסען צו בלייבען ביי זייערס און צווינגען די אידישע סוחרים וועלט צו פייערען צוויי מאל אין וואך. דער פוילישער פרעמיער מיניסטער סקול־סקי האט אויפגענומען א דעלעגאציע פונ"ם צענטראלען פאראיין פאר אידישע סוחרים אין פוילען און האט איהר קא־טעגאריש ערקלעהרט, אז עס וועט גאר־נישט געענדערט ווערען אין דער פרא־גע וועגען שבת און זונטאג־רוה. סקולסקי האט אפילו ניט איבערגעלעזען דעם מע־מאראנדום וואס די דעלעגאציע האט איהם איבערגעגעבען און האט גערעדט הויפטזעכליך וועגען דעם, ווי שעדליך עס וועט זיין פאר די אידען, אויב זיי ווע־לען פארזוכען ווידער איינצואווירקען אויף פוילען פון אויסלאנד.

די אידישע עפענטליכע מיינונג אין אויסלאנד דארף זיך אבער קלאר מאכען, אז גראדע היינט איז פוילען מעהר ווי שטענדיג אבהענגיג אין זיין ווירטשאפט־ליכען לעבען פון אויסלאנד און וועט זיך יעדענפאלס מוזען רעכענען מיט דעם אי־דישען איינפלוס אין אויסלאנד. די גע־צוואונגענע זונטאג־רוה, וואס האט א שייכות צום גרעסטען טייל פון דער אי־דישער באפעלקערונג אין פוילען וועט האבען א סך א גרעסערען ווירקונג אויף דעם אידישען לעבען ווי זיינער צייט די באקאנטע נאציאנאליזירונג פון'ם רוסי־שען האנדעל אינ'ם אלטען רוסלאנד.

אז מ'זאגט משוגע..

דער פילאדעלפיא מיליטערישער סלע־קער בערגדאל ספענט טויזענדער דאלאר צו באווייזען אז ער איז משוגע. די מי־ליטערישע דאקטוירים באהויפטען אז ער איז קלאהר.

מיר דאכט זיך, אז משוגע זענען די דאקטוירים, ווארים עס איז דאך די גרעס־טע משוגעת צו וועלען בעהויפטען, אז א מענש וואס שרייט, אז ער איז משוגע, זאל זיין א קלאהרער.. יעדענפאלס קאן מען איצט מיט רעכט זאגען, אז משוגעת איז געווארען דער רעטונגס־מיטעל פאר אלע מיליטערישע פארברעכער..

* * *

ניט קיין פעקעדזש נאר א שפּייז דרעפט

פון דער אמעריקאנער סטייט בענק, דעטראיט צו דער האווער אדמיניס־טראציע וועהר היוז אין פוילען, עסטרייך, אונגארן, דייטשלאנד און טשע־כאסלאוואקיע. קיינע עקסטרא טשארדזשעס. בלויז 10 דאלאר פאר דיא שפייז וואס געפינט זיך איצט אין וועהרהויז פון די אויסגערעכענטע לענ־דער. אידען קריגען אנשטאט בייקאן מאזאלא אדער אן אנדער פעטס וואס איז פארעווע. ווענדט זיך צום מר. עלען אין דער


ORIGINAL. NOT TRANSFERABLE – GOOD ONLY IF PRESENTED WITHIN 90 DAYS FROM DATE OF ISSUE

FOOD DRAFT

No. 0000

ADMINISTERED BY AND FOR THE PROFIT OF THE EUROPEAN CHILDREN'S FUND

To American Relief Administration Warehouse at Warsaw, Poland Date March. 17. 1920

Please deliver on presentation to Mary Polkowski

Or his properly constituted representative One Packages

Designated as letter A Hereon, being the equivalent of $ 10.#

IN CASE OF EMERGENCY WE RESERVE THE RIGHT TO SUBSTITUTE COMMODITIES OF EQUAL FOOD VALUE

A	B	C	D
24½ lbs. Flour 10 lbs. Beans 8 lbs. Bacon 8 cans Milk	140 lbs. Flour 50 lbs. Beans 16 lbs. Bacon 15 lbs. Lard 12 lbs. Corned Beef 48 cans Milk	24½ lbs. Flour 10 lbs. Beans 7½ lbs. Cottonseed Oil 12 cans Milk	140 lbs. Flour 50 lbs. Beans 45 lbs. Cottonseed Oil 48 cans Milk
$10	$50	$10	$50

American Relief Administration

Herbert Hoover, Chairman — Edgar Rickard, Director

THE AMERICAN STATE BANK OF DETROIT

COUNTERSIGNING BANK

DETROIT, MICH., U. S. A.

The Gift of John Polkowski

Address Detroit, Mich. Signature Fred W. Allen

THE COST OF THIS FOOD DRAFT AS SHOWN ABOVE COVERS ALL EXPENSE TO PURCHASER INCLUDING ANY BANKING CHARGES

AMERICAN STATE BANK

115 GRISWOLD ST.
DETROIT, MICH.

אקלאנד און אומגעגנד

זונטאג דעם 21־טען מארטש 4 א זייגער בייטאג וועט פארקו־מען א מאסמיטינג פון דער

היברו האספּיטאל אסאסיאיישאן

אין דער אהבת אחים שול

קאר. דעלמאר און וועסטמינסטער. עס וועלען ריידען די פאלגענדע באקאנטע מטיפים

רבי הארוויץ, רבי איישישקין, רבי תאומים רבי אייזמאן און אנדערע.

קומט אין מאסען — קיינע קאלעקשאנס.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארעס, עקסעלס, פענ־דערס ווערען אויסגעגלייכט. געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיענעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, אויך עקספּשעדזשעט

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

אלומינום און גראניט־וועהר לכבוד פסח

אויך א פולען ליין קראקערי קריגט איהר ביי

די אינטערעסען פון הויז אייגענטימער אין דעם סטריט רעילוועי קעמפּיין

דער מאן וואס האט א הויז האט זיך דערשלאגען דערצו דורך שווע־רער מיה.

ווען דאס געלט וואלט געווען אין באנק וואלט דאס געבראכט דריי פראצענט. א הויז ווערט געטעקסט איבער צוויי פראצענט.

מיט דער צייט קלייבען זיך אן אזוי פיעל טעקסעס אז זיי עסען אויף דעם אינקאם. נאך טעקסעס הייסט אויפעסען און פארצעהרען די היים.

סטריט רעילוועי אונערשיפ ביי דער סיטי מיינט נאך טעקסעס. אזוי איז דאס אין טאראנטא, וויניפעג, סאן פראנציסקא, סיאטעל און קליוולאנד.

עס לוינט זיך צו נעמען יענעמס ערפאהרונג. ווייל עס קאסט קיין געלט ניט.

דער מאן וואס האט א היים וואלט זיך ענטזאגט צו שפעקולירען אין באנד פון איל וועלס א. ז. וו.

פאר וואס אלזא זאל ער זיין געצוואונגען צו אינוועסטען זיין געלט, זיין היים אין דער סטריט רעילוועיס ביזנעס וועגען וועמען ער ווייסט גאר נים?

דער הויז אייגענטימער שטעהט פאר א געפאהר. ווען ער אינוועס־טעט זיין געלט אין דער סטריט רעילוועי ווען ער ערלויבט זיין מעיאר און דעם קאונסיל צו אינוועסטען זיין געלט אין דער סטריט קאר.

וואוט „ניין" אויף דעם מוניסיפּאל סטריט קאר פּלאן

(געדרוקט ביי דער סיטיזענס קאמיטע פאר סטרים רעילוועי סירוויס)

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

זונטאג, דעם 21טען מארטש, 1920

געשיכטליכע ווידערהאלונג

די געשיכטע האט זיך ווידערהאלט אין די לעצטע פאר טעג פאר אונז אין די אויגען אבער ווי פארשידען איז דער סוף פון דער פאסירונג אצינד ביז יענער געשיכטליכער:

פראנקרייך איז געווארען א רעפובליק. און די רעפובליק איז געווען נאהענט צום קעניגטום; דער מיוחס איז געשטאנען אין דער שפיצע און האט געקעניגט אויף א רעפובליקאנישען אופן, מיט דעמאקראטישע הענדשקעס. האט עס דערום געקענט מעגליך זיין, אז עס זאל ארויסשפרינגען א באנאפארטע (נאפאלעאן דער דריטער), וועלכער האט אין דער לכתחילה בעקומען דעם טיטול פרעזידענט. — דער פרעזידענט פון דער פראנצויזישער רעפובליק. שפעטער אבער איז איהם איבעלדיג געווארען דער שפיץ, האט ער ארויסגעשטיסען די רעפובליק און זיך געקרוינט אלס קעניג.

האט מען דעמאלט בעדארפט האבען א ביסמארק'ן וועלכער זאל (אין 1870) נידערשטירצען און צעמאהלען דעם באנאפארטיזם און אויפשטעלען צוריק די רעפובליק.

אמת טאקע, נישט דאס זיינען ביסמארק'ס ציעלען געווען, אבער א שליח, א גורם איז ער געווען.

און ענליך איז עס איצט מיט דער איבערקעהרעניש אין דייטשלאנד געווען:

א רעפובליק איז דייטשלאנד געווארען מיט'ן פאלען פון די האהענצאלערנס.

אבער נישט געהאלפען האט דאס פאלק. דעם גוואלדיגען אונטערשיעד: — געבליבען איז די אריסטאקראטיע, אנשטאט די פריהערדיגע יונקערס, און האט פון עולם געריסען פראפיטען; געבליבען זיינען מיוחסים מיט גאלדענע עפאלעטען, מיט טיטולען, וואס האבען עקספלואטירט די מאסען, וואס האבען געמאכט אן אנזיכטיגען דיקען שטריך צווישען די שטאנדען.

און פונקט ווי דעמאלט אין פראנקרייך, אזוי איצט אין דייטשלאנד איז עס לייכט אנגעקומען פאר די קאנטער רעוואלוציאנערען צו פארכאפען די כסא מלוכה; און פונקט ווי דעמאלט אין פראנקרייך, אזוי איצט אין דייטשלאנד האבען געשריען די מאנארכיסטישע קאנטער רעוואלוציאנערען, אז זיי זיינען נישט אויסען חלילה צו פארניכטען דעם רעפובליקאניזם, און אז אדרבה זיי ווילען זי גאר פארשטארקערען; און אויך איצט ווי אמאל אין פראנקרייך האט עס געהאלטען דערביי אז עפעס א „סעקאנד הענדיגער" האהענצאלערן זאל ווערען דער ערשטער פרעזידענט און נאכהער וואלט ער מסתמא, ווי אמאל נאפאלעאן, זיך געוויען געקרוינט אלס דער גוואלדיגער פון דעם ספעציעלען ווילהעלמ'ישען „הערר גאט". — יא, עס וואלט זיכער אזוי געווען, ווען מיר וואלטען באמת נישט געווען געמאכט באטש א קליינינקען שריט פארווערטס.

מיר זיינען אוועק פון 1870; מיר זיינען עלטער געווארען און פראקטישער.

נישט נאר האט דיזע מאנארכיסטישע, אדער יונקערישע קאנטער רעוואלוציע גארנישט געקענט אויפטאן אין דער שפעטער צוקונפט, נאר ס'איז איהר אויך שווער געווען צו דערלעבען טעג וואס זאלען צעהלען א וואך.

אין דער רגע ווען מיר שרייבען דיזע שורות, ביז דער שעה ווען דיזע שורות וועלען געליינט ווערען קענען גרויסע געשעהנישען פארקומען אין דייטשלאנד. געשעהנישען וואס זיינען צום ערווארטען.

און היינט דארף מען נישט אז א פרעמדער דיפלאמאט זאל זיך אריינמישען און דורך דעם צווינגען יונקערס און מאנארכיסטען ארונטערצונידערען פון זייערע פעדאסטאלען. היינט קומט עס פון לאנד גופא און דוקא פון אונטען ארויף.

עס האט געקענט מעגליך זיין אין דייטשלאנד א יונקערישע קאנטער־רעוואלוציע, פונקט ווי עס זיינען מעגליך רעאקציעס אין אמעריקא, אין פראנקרייך און אין אנדערע לענדער: די פעלקער זיינען אומצופריעדען און יעדער רעוואלט קלינגט זיי אנגענעהם.

און וועלכעס פאלק, נאכמעהר ווי דאס דייטשע, דארף איצטער זיין אונצופריעדען?

דער יאך פון די עליים איז דאך אזוי שווער געפאלען אז אליין די עליים, איבערהויפט, ענגלאנד האט זיך געכאפט און האט ארויסגעלאזט א מענשליכע שטים לטובת דעם צעטראטענעם־דייטשלאנד. און ווער ווייס דען צי איז נישט די גאנצע איבערקעהרעניש נישט געקומען אלס רעזולטאט פון דעם רעוואנש־פריעדען? ווער קען דען ערב זיין אויב די מאנארכיסטישע קאנטער רעוואלוציאנערען האבען נישט געפלאנעוועט פון דער לכתחילה אן ארונטערווארפען פון זיך דעם פריעדען. וועלכער איז ווייט נישט דער, וועלכען זיי האבען געהאט א רעכט צו ערווארטען נאך פרעזידענט ווילסאן'ס שלום פונקטען? ווער קען דען וויסען צי איז די גאנצע קאנטער רעוואלוציע נישט מעהר ווי אן אויסרייד אפי' פטור צו ווערען פון פראנקרייך'ס רעוואנש?

ווי אבער עס זאל נישט זיין און וואס פאר א מאטיוון די קאנטער רעוואלוציע זאל נישט געהאט האבען הינטער זיך, איז עס זיכער, אז לאנג וועט קיין רעוואלוציע וואס קומט פון אויבען נישט קענען האבען קיין קיום, ווייל, ווי געזאגט, האבען מיר אין משך פון צייט פארט געשפאנט פארווערטס.

די קאנטער רעוואלוציע איז געפאלען, און איצט איז די פראגע: וואוהין וועט זיך ווענדען דער ענערגישער שטראם פון דער רעפעלירענדער מאסע.

גיכער וועט עס זיך כאפען לינקס.

עס איז פארפאלען! — דאס אומצופריעדענהייט און דער צארן וואס פיהרען די מאסען בלינד א קורצע צייט. עס וועט זיי אבער עפענען די אויגען און זיי אנווייזען פון וואנען עס נעהמט זיך און ווער עס איז דער פאראורזאכער פון דעם „טראבעל" און פון דער אומצופריעדענהייט; זיי וועלען סוף כל סוף איינזעהן אז אזוי לאנג די רעגיערונג שטעהט נישט נעהענטער צו זיי, איידער צו די מיוחסים, אזוי לאנג אויף דער כסא מלוכה זיצט אזעלכער וואס וואגט נישט איינצורייסען זיך מיט די גאלדענע קאלבער. פון דעמאלט וועלען אומצופריעדענהייט און צארן זיין די הערשער צווישען די מאסען, ביז דעמאלט וועלען זיי גארנישט האבען געוואונען.

עס לעגט זיך דערום אויף'ן שכל אז די איצטיגע רעוואלוציע וואס איז געקומען פון די יונקערס, זאל דערטרינקען ווערען דורך ספארטאקער. די ספארטאקער וועלען דאס מאל זיין דאס וואס ביסמארק איז אמאל געווען פאר נאפאלעאן דעם דריטען.

שפריצען

פאוועליע

הינדענבורג וועט לויפען פאר פרעזידענט.

ווערוועער, נאר אויף הינדענבורג'ן האבען מ'ר זיך נישט געריכט, אז ער זאל לויפען נאכדעם ווי ער ווייסט פון ערפאהרונג, אז לויפענדיג קען מען אמאל אריינפאלען אין די מאזורער זומפען...

* * *

אוי, די אראבער!

די אראבישע דעמאנסטראציע געגען ציוניזם — אין ירושלים — איז געווען א גרויסער דורכפאל.

אבער: „נישטקשה, טרייסטען זיך אונזערע שונאי ציון: מיר'ן נאך אמאל טרייען. מיר און די אראבער זענען גרויסע בריות אויף דעמאנסטרירען!"...

* * *

ווער הערט זי?

פערסיען פארזיכערט אז וואס אין נוגע איהר, קימערט זי זיך נישט אייב יען וועט אפילו צונעמען קאנסטאנטינאפאל פון טערקיי.

און אז עס וועט איהר יא קימערען, פרעגט דען א'מיצער א דעה ביי אחשורוש'ס מדינה?...

* * *

קאבינעט־מייקער, איפמערקזאם!

די קאבינעטען אין ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען און אפילו אין טערקיי שאקלען זיך זעהר שטארק.

וואלט אפשר געווען א פלאן, אז מ'יר זאלען געבען א שיק אהין אונזערע היגע קעבינעט־מייקערס. זיי זאלען דאר טא פיקס טאן וואו מען דארף?

מ'דארף א פרעג טאן די קעבינעט־מייקערס יוניאן...

* * *

א גוטע בשורה

די ארמעניער און קורדען, מעלדעט א טעלעגראמע, האבען שוין געשלאסען פריעדען.

אזוי? איצט ווייסען מיר חאטש, אז זיי זענען געווען אין קריעג צווישען זיך...

* * *

אפענע דיפלאמאטיע

פרעזידענט ווילסאן און מרס. ווילסאן, דערצעהלט א מעלדונג פון וואשינגטאן, האבען געמאכט א שפאציער אין א אפענעם אויטאמאביל איבער די וואשינגטאנער גאסען.

אין אן אפענעם אוטאמאביל! איז דאס וואס ער האט געמיינט מ'ט „אפענער דיפלאמאטיע" אין זיינע באריהמטע פערצעהן פונקטען?...

* * *

דעטראיט'ער, מאכט א שוויג!

דעטראיט, זאגט מען, צעהלט שוין אנדערהאלבען מיליאן באפעלקערונג.

שאט, מאכט א שוויג, זאלען די לענדלאָרדס נאר נישט דערהערען ח"ו.

* * *

ווען מ'זיך עס אנהויבען?

מ'זאגט אונז, אז בקרוב וועט שוין די ציאנען ליגע באשטעטיגט ווערען.

און עק, א סוף, זאל מען זי שוין באשטעטיגען. ביז וואנען וועט מען ווארטען אויף דער גרויסער בלוטיגער מלחמה?

* * *

דעטראיט וועט עס פטור ווערען

א סברא אז מען זאל אין דעטראיט מאכען אזא רעפארם אין די נעקסטע שטאדטישע עלעקשאנס מ'וועט ארויסשטעלען אלע אלדערמען אויף איין ליסטע. זיי וועט מען וועלען, וועט מען וואוטען, אלא נישט וועט מען ניט וואוטען.

אט אויף אזא אופן וועט מען בימעלעכווייז זיך דערטראכטען אזוי פטור צו ווערען פון די עלעקשאנס.

* * *

מישיגאן האט עס שנעל פארגעסען

די טרונק־רעוואלוציע, וואס איז פארגעקומען אין מישיגאן, איז שוין באלד פארגעסען געווארען.

זעהט איהר אז עס וועט אמאל פארקומען אן עס־רעוואלוציע, וועט מען עס שוין אזוי גיך נישט פארגעסען.

* * *

שווארץ און רויט

א טעלעגראמע פון קאנסטאנטינאפאל ערצעהלט, אז פליכטלינגע פון רוסלאנד, וואס זענען אויף א שיף אנטלאפען קיין קאנסטאנטינאפאל, האבען אויפ'ן שווארצען ים איבערגעלעבט א שרעקליכען שטורם, פון וועלכען זיי האבען זיך קוים מיט'ן לעבען געראטעוועט.

זעהט איהר, ווען זיי וואלטען געפאהרען אויפ'ן רויטען ים, וואלט באלד געוואקסען א טרוקענע געגען טראט פון יענעם ים. אבער א שווארצען ים פארשווינט מען, ער מעג...

די פאליטישע וואך

פון ז. ק.

ווי יעדער וואולקאנישער אויסברוך, אזוי אויך זענען די פאליטישע געשעהנישען אין דייטשלאנד פאר דער לעצטער וואך געקומען גאנץ אונערווארטעט. אויף דער אויבערפלעכע פון דייטשען פאליטישען לעבען האט זיך ניט באמערקט, ווי אין דער טיעפער טיעפעניש קלייבען זיך אן נאטור־כחות, וועלכע דראהען דער עקזיסטענץ פון דער געגענווארטיגער ארדנונג.

און פונקט ווי דער געאלאג איז הילפלאז מיט זיין גאנצער וויסענשאפט צו באשטימען די ריכטונג און גרויס פון א וואולקאנישען אויסברוך, גלייך ווי ער באקומט די ערשטע צייכענס, אזוי אויך איז עס שווער פאר'ן פאליטישען באאבאכטער מיט זיכערהייט צו כאראקטעריזירען דעם אויסגאנג פון א פאליטישער אדער סאציאלער רעוואלוציע, ב'ים אנפאנג פון איהר ענטוויקלונג.

די סיטואציע אין דייטשלאנד ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, טראגט אהן א צווייפעל דעם כאראקטער פון א סאציאלער רעוואלוציע. לויט באריכטען פון פארשיידענע קוועלען, זענען די אינדוסטריעלע דייטשע צענטרען אין דעם ריין־טאל און וועסטפאליע אונטער'ן איינפלוס פון די ספארטאקאנער, די ליבקנעכט־גייסטיגע קרובים פון די רוסישע באלשעוויקעס. ידיעות זענען אויך דא, דאס אין פיעל אנדערע גרעסערע שטעדט, האט זיך די ספארטאקאנער איינגענעבען, א דאנק דער צוטומלעניש, פאראורזאכט פון דער יונקערישער איבערקעהרעניש אין בערלין, צו קריגען די איבערמאכט.

די צווייטע זייט פון דער מטבע איז, דאס די קאפיטאליסטישע אוזורפאצי'ע (פארכאפען מיט גוואלט די רעגירונגס מאכט) האט געפלאצט ווי א זייפען־בלאז, און עבערט איז נאמינאל צוריק דער פרעזידענט פון דער דייטשער רעפובליק. דער שלאכט פראנט האט זיך אלזא איבערגעטראגען פון פאליטישען אויפ'ן סאציאלען פעלד, און דער רעזולטאט פון דיזען שטרייט ליגט נאך איצט טיעף פארבארגען אין דער נאהענטער צוקונפט.

פארנעהמען זיך איצט, ווען די לאגע איז אזוי אונקלאהר, אזוי אונבאשטימט, מיט נביאות, וואלט מיינען, אין בעסטען פאל איינזייטיגע סימפאטיע צו איינעם פון די קעמפענדע צדדים אין דייטשלאנד. דער אויסגאנג אבער פון דעם קאמף גופא וועט דורך דעם, זעלבסטפערשטענדליך, בלייבען דער זעלבער.

אי'ב אבער נביאות וועגען דעם ווייטערדיגען גאנג פון א פאליטישער (אדער סאציאלער) רעוואלוציע איז ניט די אויפגאבע פון א פאליטישען איבערבליק, איז אבער מעגליך אנצואווייזען אויף די אורזאכען, וועלכע האבען געפיהרט צו דער רעוואלוציע. ווי דעם געאלאג זענען באוואוסט די סבות פון אן ערדציטערניש, אזוי אויך זענען קלאהר באשטימט די באדינגונגען, וועלכע האבען, אין דעם ענטוויקלונגס־גאנג, געבראכט צו א סאציאל פאליטישער איבערקעהרעניש.

וואס איז נוגע די געשעהענישען אין דייטשלאנד פאר דער פארגאנגענער וואך, איז קלאהר, דאס זיי זענען אן אונמיטעלבארער רעזולטאט פון דער קורצזיכטיגער פאליטיק פון די אליאירטע. זיי האבען ניט געזעהן, דאס אפילו מיט מיליאנען באיאנעטען איז אונמעגליך צו דרעהען צוריק דעם ראד פון דער געשיכטע; אז דורך מיליטערישען דרוק וועט די פרייהייטס באוועגונג איבער דער וועלט דערשטיקט ווערען. אט האט פרענק וואנדערליפ — א פארשטעהער פון דעם אמעריקאנער קאפיטאליסטישען קלאס — גלייך ווי ד' ידיעה איז אנגעקומען וועגען דער יונקערישער איבערקעהרעניש אין בערלין, ארויסגעגעבען א' ענגליכע ערקלעהרונג, דאס זי, די איבערקעהרעניש, איז דער רעזולטאט פון דעם ווערסאלער שלום. וואנדערליפ האט געזאגט צווישען אנדערש פאלגענדעס: „עס דוכט זיך מיר גוים, דאס זי (די יונקערישע איבערקעהרעניש) איז א העכסט נאטירליכע פאלגע פון א שלום, וועלכער איז לאנג אפגעלעגט געווארען; א שלום, די באדינגונגען פון וועלכע זענען אבזיכטליך פארמולירט געווארען, כדי צו פארניכטען א נאציע פון 68 מיליאן. וואלט מען געמאכט א שנעלען און א מעהר פארנינפטיגען שלום, וואלטען די פאלגען, וועלכע זעהען איצט אויס צו זיין מעגליך, פארמידען געווארען".

און ווען מיר דערמאהנען זיך נאך, דאס די טרופען, וועלכע האבען געהאלפען די דייטשע מאנארכיסטען צו פארכאפען צייטווייליג די מאכט אין בערלין, זענען פון פאן גאלץ'עס באלטישער ארמיי, דאן ווערט קלאהרער, ווי אזוי די אליאירטע האבען מיט זייערע הייגענע הענט געשארט די הייסע קוילען פון דער יונקערישער אוזורפאציע. די „באלט'שע טרופען" פון דייטשע יונקער, פאן גאלץ, זענען דאך, לויט דעם באפעהל פון אלערשטענדען פאש, געבליבען אין די באלטישע פראווינצען פון רוסלאנד, אום צו באקעמפען די באלשעוויקעס. פאש, די פארקערפערונג פון אלוועלטליכען מיליטאריזם, ניט די פרייע דייטשלאנד, האט דאך אונדירעקט געהאלפען א טייל פון די „הונען", ווי ער פלעגט עפענטליך רופען די דייטשע, צו פארשפרייטען דעם מאנארכיסטישען אידעאל צווישען די באלטישע טרופען. וואדום וואס דען האבען פאן גאלץ און זיין יונקערישע כנופיא געטאן צווישען זייערע סאלדאטען אי'ב נים באקלאגען די געפאלענע האהענצאלערן מאנארכיע? ס'איז דאך אהן שום ספק, אז די „באלטישע" יונקערס האבען זיך ווייניג געקימערט וועגען דער „באלשעוויסטישער געפאהר"; זיי זענען געווען יעהר פון אלץ, באזארגט וועגען דעם פאלען פון דעם מאנארכיסטישען „דייטשלאנד איבער אלעס".

אין דער בלינדער שנאה צו די רוסישע סאוויעטען־רעגירונג, האבען אבער די אליאירטע אנגענומען דעם יעזואיטישען כלל: דער צוועק בארעכטיגט די מיטלען. אמת, דער צוועק זייערער איז נים ערייכט געווארען: די אנגענומענע מיטלען אבער האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין א שטעקען מיט צוויי עקען. ווייל וואס עס זאל נים זיין דער רעזולטאט פון די איצטיגע געשעהענישען אין דייטשלאנד, מוז דאך זיין קלאהר, אז די ווערסאלער שלום־געביידע האט דורך דיזע געשעהענישען אנגעהויבען זיך טרייסלען. ס'זענען שוין געווען סימנים אויך פריהער, דאס א געוויסע טייל פון אליאירטע פארשטעהער האבען דאך איינגעזעהן, אז דער שלום־בנין איז אויף א זאמדיגען פונדאמענט. די איינציגע שטיצונג צו פארלייכטערען די שווערע, אומבעגרייפליכע מישא, וואס דער ווערסאלער שלום האט ארויפגעלעגט אויף'ן דייטשען פאלק, איז, לויט באריכטען, די פראנצויזישע פאליטיק, צום אומגליק, האט די פאליטיק פון פראנקרייך פאר די לעצטע צוויי יאהר זיך געלאזט באהערשען פון דעם הייסען טעמפעראמענט, מיט וועלכען דאס פראנצויזישע פאלק איז באוואוסט. אמת, פסיכאלאגישע אורזאכען — דער רעזולטאט פון דעם עקאנאמישען חורבן און דעם גרויסען פארלוסט פון מענשליכע לעבענס — מאכען פארשטענדליך דעם טיעפען צארן, וואס דאס פראנצויזישע פאלק פיהלט צו דייטשלאנד. וועלט־פאליטיק מוז אבער זיין רעאל. איז אבער די פראנצויזישע פאליטיק בנוגע דייטשלאנד רעאל? זי איז טעמפעראמענט־פול, באזערשט און סטימולירט פון נקמה־געפיהל.

און דארום איז טאקי פסיכאלאגיש ערקלעהרבאר די שטעלונג, וואס דער פראנצויזישער פרעמיער האט אנגענומען צו דער יונקערישער צייטווייליגער איבערקעהרעניש.

„ווי ווייט ס'זאלען ניט געהען די פאליטיקען פון דיזער (יונקער־ישער) רעוואלוציע — האט מילעראן ערקלעהרט אין דעפוטאטען־קאמער — וועט דער שלום מיט דייטשלאנד ווערען פינקטליך אויסגעפיהרט".

און דאס מיינט דאך — אדער דאס דארף דאך מיינען — „מעג אפילו די דייטשע מאנארכיע צוריקגעשטעלט ווערען, איז דאס ניט אונזער עסק; אונז אינטערעסירט פריהער פון אלץ און הויפטזעכליך דער ווערסאלער שלום. אז אזא שטעלונג איז ניט לאגיש און ניט אין די אינטערעסען פון דעם וועלט־פריעדען דארף און מוז זיין קלאהר, ווען מ'באטראכט די ווירקליכקייט מיט אפענע אויגען. א שטארקע דייטשע מאנארכיע וועט קיינמאל ניט נאכקומען די פריעדענס־באדינגונגען; א פעסטע דייטשע רעפובליק וועט מיט אלע מעגליכקייטען זיך באמיהען צו פארמיידען מלחמות.

ווי אזוי האט זיך וועגען דער דייטשער „רעוואלוציע" אפגערופען דער פרעמיער פון ענגלאנד?

„די אליאירטע רעגירונגען — האט לאיד דזשארדזש געזאגט אין ענגלישען פארלאמענט — וועלען באטראכטען מיט גרויס זארג אירגענד וועלכע באוועגונג (אין דייטשלאנד) וועלכע שטעלט פאר א מאנארכיסטישע אדער מיליטערישע רעאקציע, אבער ס'איז ראטזאם אפצוווארטען די ענטוויקלונג, איידער א קלאהר־באשטימטע שטעלונג (צו דער באוועגונג) ווערט גענומען".

אויב די באריכטען זענען אמת, דאס די ענגלישע פאליטיק איז איצט געווענדעט אפצושוואכען די פיינדליכע און אנגעשטרענגטע באציהונגען צווישען די אליאירטע און די צענטראלע מעכטע, דאן מוז לאיד דזשארדזש'ס ערקלעהרונג אנגענומען ווערען אלס אן אויפריכטיגע.

וואלפגאנג קאפ און די איבעריגע יונקערס האבען טאקע געוואלט אויסנוצען די אנגעשטרענגטע באציהונגען פאר זייערע אייגענע מאנארכיסטישע צוועקען. עבערטס רעגירונג, זענענדיג נים צו שטארק פאפולער, האט געמוזט אנווענדען דעם איינציגען ווירקזאמען מיטעל פון ערקלעהרען א גענעראל סטרייק. צו ער, עבערט, האט פאראויס געזעהן, אז די פאלגען פון אן אלגעמיינעם סטרייק שטעלט אין סכנה זיין אייגענע מאכט, אדער ניט איז ניט וויכטיג. ער האט געזעהן פאר זיך דעם בייזען גאסט פון דער אפגעשטארבענער מאנארכיע. פארצווייפעלט און טויט שרעק האט ער ארויסגעלאזט דעם רוף צו די דייטשע ארבייטער. די ארבייטער האבען גלייך זיך אפגערופען, ווייל זיי האבען גאנץ גוט געוואוסט, דאס זיי, און נאר זיי, וועלען זיין די קרבנות אויפ'ן מאנארכיסטישען מזבח. גלייכצייטיג אבער איז פאר א געוויסען טייל פון דייטשען פראלעטאריאט געווארען קלאהר, דאס די צייט איז א גינסטיגע פאר דער סאציאל־עקאנאמישער באפרייאונג פון דעם ארבייטענדען קלאס. און דער קאמף פאר דיזער באפרייאונג האט זיך אין דייטשלאנד אין דיזען מאמענט אנגעפאנגען. ווער דער זיגער וועט זיין, וועט די נאהנטע צוקונפט ווייזען. אלענפאלס, שטעהט די וועלט מיט א פארכאפטען אטעם, ווער אויס יאוש'דיגער מורא און ווער אויס רעליגיעזער אכטונג, פאר די גרויסע, אומגעהויערע וויכטיגע געשעהענישען אין דייטשלאנד.

(שלום פאלגט).

דעטראיטער שפיגעל

פון הרואה ואינו נראה

אמת'ע מעשיות, טרויעריגע און קאמישע פאסירט אין דעטראיט'ער אידישען קווארטאל

וואַ טשו

1\.

יא טשו, דאס קליינע כינעזערל, א שיק־אינגעל ביים לאנדרימאן יו קי, האט אלעמאל מיין אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען און יעדעס מאל, ווען ער האט אפגעבראכט צו מיר אין הויז די וועש פלעג איך איהם באטראכטען: זיין אויסזעהן האט געהאט ווייניג עהנליכקייט צו דער געלער ראסע. זיינע אויגען, גרויס ווי ביי אונז און ווייסע, האבען אין אנהייב ביי מיר ארויסגערופען א פארדאכט, אז ער איז גארנישט קיין כינעזער, אבער באזוכענדיג עטליכע מאל די לאנדרי, וואו ער האט געארבייט, איז מיר קלאהר געווארען, אז איך האב א טעות. איך האב געהערט ווי ער האט מיט די כינעזער גערעדט אויף זייער לשון, אויף כינעזיש. הייסט עס, און זיי האבען זיך אויסגעצייכענט פארשטאנען.

אלזא, איז וואַ טשו טאקע אן אמת כינעזערל. אויב ער איז נישט זעהר עהנליך צום געוועהנליכען כינעזישען טיפ איז עס, אייגענטליך, קיין גרויס וואונדער נישט. אויסנאהמען זיינען פאראן ביי אלע ראסען און פעלקער.

אט אזוי האב איך ביי זיך געטראכט און מעהר האב איך שוין דעם כינעזערל נישט באשאנקען קיין אויפמערקזאמקייט.

2\.

איינמאל בעת וואַ טשו האט צו מיר אין הויז געבראכט א פעקעל וועש, האט ער זיך שטעהענדיג אויפגעשטעלט ביים טיר, געקוקט אויף מיר און געשוויגען. איך האב געזעהן, אז ער וויל מיר עפעס זאגען און איך האב איהם צוגעגעבען מוט, אז ער זאל זיך נישט שעהמען און מיר זאגען וואס ער וויל.

וואַ טשו איז דרייסטער געווארען, איז צוגעגאנגען צו מיר נעהענטער, און זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, וואס איז נעבען מ'ר געשטאנען.

—מיסטער! — האט ער אנגעהויבען — אין זיין כינעזיש ענגליש — וואנט פעיווער. יו דו איט?

איך האב איהם צוגעזאגט, אז איך וועל טאן פאר איהם אלץ, וואס עס וועט זיין אין מיינע מעגליכקייטען. ער האט פשוט אויפגעלעבט.

און די טובה וואס ער האט ביי מיר געבעטען, איז געווען אזא:

ער, וואַ טשו, איז אין דעטראיט שוין עטליכע יאהר. ווי לאנג, ווייס ער נישט. ער געדענקט נישט. מיטגעקומען אהער פון כינא האט איהם איינער א כינעזער מיט'ן נאמען לי שין.

— נא, קיין טאטען, קיין מאמען האסטו גאר נישט? — שלאג איך איהם איבער.

— — ניין! — ענטפערט ער טרויעריג. דער טאטע איז איהם געשטארבען, ווען ער, וואַ טשו, איז געווען אפשר צוויי יאהר אלט. געדענקט איהם אפילו נישט. די מאמע זיינע — זאגט מען — לעבט ערגעץ אין כינא, ער ווייסט אבער נישט וואו.

אלזא, וואס וויל ער?

זיין באלעבאס יו קי האט איהם דערצעהלט, אז דער כינעזער לי שין, וואס האט איהם געבראכט קיין דעטראיט האט פון וואַ טשו'ס טאטען צוגענומען עפעס א גאנצען אוצר, וואס יענער האט איבערגעלאזט, און ער באהאלט עס ערגעץ.

— האסטו עס שוין געמאהנט ביי איהם? — פרעג איך.

— יא, געמאהנט, נאר ער וויל נישט אפגעבען. ווען א ווייסער מענש זאל צו איהם אריבערגעהן, וועט ער זיך אפשר דערשרעקען...

כ'האב פארשטאנען זיין כונה און איהם צוגעזאגט אנצונעהמען די שליחות...

3\.

אויף מארגען בין איך מיט וואַ טשו'ן אוועק צו לי שין'ען, אויך א לאנדרימאן. אז כ'האב איהם איבערגעגעבען מיין פארלאנג, האט ער אויפ'ן קליינעם געווארפען א צארענדיגען בליק און ער האט מיר ערקלעהרט, אז אלץ, וואס ער האט גע־ירש'ענט פון וואַ טשו'ס פאטער איז א ביסעל זילבערנע כלים, — אז איך וויל, זאגט ער, קען ער עס מיר ווייזען. נאר ער האט, זאגט ער, אויף וואַ טשו'ן מעהר אויסגעגעבען, די רייזע אליין האט איהם געקאסט אן אוצר.

כ'האב געזעהן אז כ'וועל פארשפיעלען די קיום און זיך שוין גענומען קלייבען אוועקגעהן. אבער ביים טיר פאלט מיר איין א'הם א פרעג צו טאן:

— דאס אלעס, וואס דו האסט פון וואַ טשו'ס פאטער?

— דאס אלעס... פארזיכערט ער מיר. אויסער. יא, אויסער עפעס א בוך, א רוסיש בוך.

— א רוסיש בוך?! — גיב איך פארוואונדערט א שפרונג. ווי קומט צו איהם א רוסיש בוך?

— יא, א רוסיש בוך, וואַ'ס פאטער איז געקומען פון רוסלאנד... גענומען א כינעזערין... פון זיי איז ארויסגעקומען וואַ...

דאס לעצטע האט לי שין געזאגט מיט א באזונדער פארגעניגען, ווי א מין נקמה אן דעם קליינעם וואַ און איך האב געהאלטען אין איין שפרינגען פון איבערראשונג.

קוים זיך דערבעטען ביי לי שין ער זאל מיר ווייזען דאס בוך. און ווען ער האט עס מיר דערלאנגט, — האב איך אויש א ציטער געטאן און בלאס געווארען: עס איז געווען אן אלטער סדור!

מיין איבערראשונג איז נאך גרעסער געווארען, ווען איך האב אויפ'ן קאווער־בלעטל פון סדור באמערקט עפעס אויפגעשריבען אין איד'ש. איך האב פיבעריש געלעזען:

„צו מיין זוהן וואלף, איך, דיין פאטער מנחם שרייב דאס פאר'ן טויט. אז דו וועסט אויפוואקסען, זאל דיר דאס זיין צום אנדענקען. זאלסט וויסען, אז דו ביסט א איד און זאלסט אוועק אין דער שטאדט קרעמענטשוג, רוסלאנד, וואו דו וועסט געפינען מענשען פון אונזער משפחה."

* * *

איך האב געקוקט אויפ'ן קליינעם וואַ און פאר מיינע אויגען איז מיט אמאל אויסגעוואקסען א איד. איך האב איהם שלום אויף [illegible]

די ציון באוועגונג אין דעטראיט

פון י. ראבינאוויטש

אן אינטערוויו מיט דעם באוואוסטען ציוניסטישען עסקן און זשורנאליסט לעאן זאלאטקאף.

דער נאמען פון אונזער גאסט, לעאן זאלאטקאף, איז צופיעל באקאנט דעם אידישען עולם, אז איך זאל דארפען מאכען לאנגע הקדמות. מכח זיין רייכער קאריערע אלס איינער פון אונזערע באדייטענדסטע זשורנאליסטען פון עלטערען דור.

איך וועל דעריבער גלייך צוטרעטען צום עיקר־הענין און איבערגעבען דעם אינטערוויו וואס איך האב מיט איהם געהאט אין היגען האטעל סטאטלער מכח זיין ציוניסטישער מיסיע דא אין דעטראיט און מכח אלגעמיין־ציוניסטישע פראגען, וואס זיינען נוגע איטליכען וואס איז פאראינטערעסירט אין דער אויפבויונג פון ארץ־ישראל אלס אידיש היים־לאנד.

לעאן זאלאטקאף

מר. זאלאטקאף, האבענדיג הינטער זיך אזא לאנגע זשורנאליסטישע ערפאהרונג, וויים, משמעות, ווי שווער עס איז פאר א רעפארטער אויסצוזוכען די ערשטע פראגע. האט ער דעריבער ניט געוואַרט אויף קיין פארמאליטעטען און גלייך אנגעפאנגען:

„דער צוועק פון מיין קומען אהער קיין דעטראיט, איז הויפטזעכליך אום צו באַ־שאפען א מאשינעריע, אין דער היגער ציוניסטישער ארגאניזאציע. דער דעטראיטער דיסטריקט איז ביז היינט געווען יא און ניט ארגאניזירט. קיין ארגאניזאציע קען ניט געראטען, ווען די ארבייט ווערט אנגעפיהרט פון פרייוויליגע מענשען, ווי עס איז געווען דער פאל דא אין דעטראיט. די סעקרעטערין פון היגען דיסטריקט, מיס סאראה וויצמאן האט געטאן וואונדערבארע ארבייט, או. דאס זעלבע קען געזאגט ווערען וועגען די הערשמאן אלס פרעזידענט און מר. ב. זאקהיים אלס טרעזשורער. זיי האבען געטאן מעהר וויפיעל עס איז געווען אין זייער מעגליכקייט. איך האב אונטערזוכט די ביכער און האב געפונען אז אלעס איז אין א מוסטערהאפטער ארדנונג, אבער זיי זיינען פרייוויליגע טוער און אלס אזעלכע קענען זיי זייערע געשעפטען ניט פארנאכלעסיגען און די ארבייט איז אזוי גרויס, אז עס פאדערט זיך א שטענדיגער מענש וואס זאל זיך אפגעבען אויסשליסליך מיט ציוניסטישער ארבייט אין דעטראיטער ציוניסטישען דיסטריקט.

„אין אנדערע ווערטער: מיין אויפגאבע אין דעטראיט איז צו שאפען א גוט איינגעארדענטע ציוניסטישע ביורא אין דעטראיט.

„פאר די עטליכע טעג וואס איך בין דא, איז אויפגעטאן געווארען פאלגענדעס:

„געדונגען אן אפיס אין 826 טשעמבער אוו קאמערס בילדינג, וואו אלע רעקארדס ווערען צוזאמענגעבראכט; פארופען א מיטינג אויף דינסטאג אווענט, דעם 16־טען מערץ אין האטעל סטאטלער פון א צוזאמענגעשטעלטער נאמינייישאן קאמיטע, וועלכע וועט נאמינירען אפיסערס פאר׳ן היגען דיסטריקט. נאך די נאמינייישאנס וועט מען ארויסשיקען א באלאט צו אלע מעמבערס צום שטימען. די באלאטס וועלען איבערגעשיקט ווערען צו דער ציוניסטישער ביורא, וואו זיי וועלען געצעהלט ווערען און דער דיסטריקט וועט אויף אזא אופן זיין ארגאניזירט.

מכח דעם גאולה־פאנד.

„די זאמלונג פאר׳ן צעהן מיליאן דאלאר פאנד איז אין דעטראיט פארנאכלעסיגט געווארען, צוליב דער פארנאכלעסיגונג פונ׳ם דיסטריקט. דעטראיטער אידען האבען אלע מאל געגעבען געלט און זיי זיינען ווילינג צו געבען, ווען עס זאל נאר זיין א סיסטעמאטישע מאשינעריע, וואס זאל ארגאניזירען די זאמלונגען. מיין אויפגאבע איז דארום צו ארגאניזירען א קאמיטע פאר׳ן גאולה פאנד און אויך אין דעם פרט בין איך געווען ערפאלגרייך, עס איז מיר געלונגען צו באוועגען מר. פיער מ. באצעל אנצונעהמען די טשערמאנשיפ פון דער גאולה־פאנד קאמיטע און קעפטען אייזדאר לעווין, מיטגליעדער פון דער פירמע באצעל און באצעל, וועלכע האט פארשפראכען מיטצעווירקען אין דער ארבייט. עס ווערט ערווארטעט, אז די גאולה־פאנד קאמיטע זאל זיך נעהמען צו דער ארבייט אין דער פסח־וואך.

„דאס איז אין קורצען די ארבייט, בנוגע דעטראיט״.

דא האב איך ענדליך געקראגען א געלעגענהייט אריינצוציהען אין מיין רעפארטער־ראלע, ווייל ביז אהער האט מר. זאלאטקאף, ווי עס איז צו זעהן, מיר פארשפארט די ארבייט. איך האב געפרעגט:

„וואס איז איצטער, לויט אייער מיינונג, די לאגע פונ׳ם ציוניזם אין אלגעמיין? וואס זיינען די אויסזיכטען?״

„די איצטיגע לאגע פונ׳ם ציוניזם — האט מר. זאלאטקאף געענטפערט — איז בעסער ווי איינער וואלט פריהער, כאטש ניט אין גאנצען ווי מיר וואלטען געוואונשען, דער עולם בכלל האט א שלעכטען באגריף וועגען פאליטיק. זיי לעזען צופיעל געוויכט אויף א דעפעשע פון דער „אסאשיאייטעד פרעס״, אדער פון ענגלישע קוועלען. דאס איז דערפאר ווייל די דאזיגע סקעפטיקער געהען אוועק פונ׳ם ציוניסטישען גרונד־פרינציפ. דער גרונדפרינציפ איז: ס׳איז דא א לאנד, וואס הייסט פאלעסטינא און ס׳איז דא א אידיש פאלק. וואס איז דער אונטערשיעד, צי ענגלאנד וועט האלטען גאנץ פאלעסטינא אדער פראנקרייך וועט אויך האלטען א שטיקעל. זיינען דען אידען ניט געפאהרען אין פאלעסטינא, ווען דער טערק האט דארטען געבאלעבאטעוועט? איז דען דער ציוניזם יעצט נעבעכדיג געווארען? האבען דען ניט אויפגעבליהט מוסטערהאפטע אידישע קאלאניעס אונטער די אומגינסטיגע אומשטענדען אין די צייטען פון טערקישער הערשאפט איבער ארץ־ישראל?

„איינס איז זיכער: די וועלט הויבט אן אנערקענען דעם פרינציפ פון זעלבסטבאשטימונג, אלס ביישפיעל זעהען מיר שלעזוויג־האלשטיין, וועמען ס׳איז געגעבען געווארען דאס רעכט אליין צו באשטימען איהר שיקזאל.

„אלזא, די פראגע פון דיפלאמאטיע האט פארלויפיג גאר ניט צו טאן מיט ישוב ארץ־ישראל. איינציגע ווילען וויסען: וואס פאר א סארט ארץ־ישראל מיר׳ן האבען. דאס איז אן אומעגליכקייט און גלייכצייטיג אן אומרעכט נעגען די איינוואוינער פון ארץ־ישראל. דאס וואלט געווען פונקט ווי מ׳זאל קומען צו די דעטראיטער בירגער און פרעגען: וואס פאר א סארט אדמיניסטראציע וואלט איהר אין סטייט מישיגאן מיט 25 יאהר שפעטער? אזא פראגע צו דעטראיטער בירגער וואלט געווען אן אבסורד, און פונקט אזא אבסורד איז צו פרעגען, צו מיר וועלען האבען אין ארץ־ישראל א מלך אדער א פרעזידענט.

„די אויפגאבע פון יעצטיגען מאמענט איז צו בויען. און קיין מאל אין דער אידישער געשיכטע האבען מיר ניט געהאט אזא געלעגענהייט צו בילדען א אידישע פאלעסטינא, ווי יעצט. דער פארקעהר איז זעהר לייכט. די נויט פון אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים, (כאטש דאס איז פאר אונז ניט קיין פרעהליכע ערשיינונג) איז אזוי גרויס, אז פיעלע אידען זיינען געצוואונגען צו לייפען אין ארץ־ישראל. דאס שלאג־ווארט פונ׳ם ציוניזם איז יעצט: בויען! אונערמידליך בויען!״

אינטערעסאנט איז מר. זאלאטקאפ׳ס מיינונג וועגען דעם צושטאנד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא בכלל און אויך וועגען דער „חברה בית רפוס ירושלים״, וועלכע אמעריקאנער ציוניסטען האבען געגרינדעט. וואס באצוועקט די דאזיגע חברה? וואס איז איהר ציעל? — וועגען דעם וועט ערשיינען נאך אן ארטיקעל מארגען.

טאקע גערעכט, אבער.

א באסטאנער קארדינאל האט אין א דרשה אויסגעמוסר׳ט די מיגער פרויען וואס זיי זענען געווארען צו ווייבעריש און טרעטען נישט איבער זייערע פריען מיט א שטארקער האנט.

גערעכט, ווי איך בין א מאן! געוויס זיינען געווארען פון די ווייבער! מיר מוזען... שוויגען... מיין ווייב קומט אן.

* * *

וועגן „א מעשה מיט א פרויען זייגערל״

וואס איז געוועזן פון חכם עתיק און ערשיינענען פון ר׳ ברוך׳ל

(אן אפענער בריעף צום רעדאקטאר)

מיין ליעבהארציגער רעדאקטאר.

אין אייער ווערטהען פייפער האב איך לעצטען פרייטאג דערזעהן א הומארעסקע מיט׳ן נאמען „א מעשה מיט א פרויען זייגערל״ פארפאסט פון מיר ה״ר ברוך׳ל.

מוז איך אייך ליידער אויפמערקזאם מאכען אז כאטש די מעשה איז א שעהנע מעשה און ווען איך זאל קענען מאכען אזעלכע מעשיות כאטש דריי, פיער א וואך, וואלט איך שוין אויך געקענט אייער מענטראפאוזש אויסדרעהן א פוס — פונדעסטוועגען איז דאס פארט נישט מיין מעשה. און דאס אנדערע מאל ווען איהר וועלט דרוקען מעשיות, זאלט איהר פריהער אויסבייטען אייער מענטראפאוזש, ווארים פריהער שרייבען און נאכדעם ארייגפאלען אין זיינע הענט, איז שוין בעסער אריינצופאלען צו דעם טראי׳טער באנדיטען. מחמת די לעצטע די באנדיטען, הייסט עס, וועלען ביי אייך אפרויבען אלצדינג, נאר נישט דעם נאמען, זיי וועלען אייך ממית׳ן, אבער דעם נאמען לאזען זיי אייך איבער. אייער מענטראפאוזש אבער מיט דער היפה פון זיין כח, צע׳ממית׳ט אייך, צעקאלעטשעט אייך, צע׳הרג׳עט אייך און ערשט נאכדעם רויבט ער אוועק אייער נאמען.

אט דערפאר זאג איך אייך, מיסטער עדיטער טשעפעט נישט מיט מיין נאמען, כל זמן איך האב א שטיקעל נאמען און זאגט אייער מענטראפאוזש אז אפילו מענשען מיט מעהר פעהיגקייט צום האריעטשען און צום צעקריפלען טשעפען אויך נישט קיין נעמען.

מיט גרוס דרך ארץ פאר אייער גרויזאמבאבענדיגען בטאה אייער ...

ר׳ ברוך׳ל

באמערקונג

עס טוט אונז זעהר לייד, וואס מען האט אומגערן געצוואונגען אונזער ר׳ ברוך׳ל צו זיין א פלאגיאטאר, כאטש ער האט באמת דערפון נישט אנגעהויבען צו וויסען. און באמת איז דאס די שולד פון דעם מענטראפאוזש, וועלכער — אנב אורחא וועט מעהר ביי דער צייטונג נישט שטעהן — האט זיך באצויגען מיט אומפאראנטווארטליכקייט צו זיין ארבייט און געקוקט זעהר ווענינ אויף דער ערנסטקייט פון דער צייטונגס־שטעלונג פון דער צייטונג.

די מעשה מיט א פרויען זייגערל איז פארפאסט פון דעם באקאנטען יונגען הומאריסט חכם עתיק אבער אנ־שטאט חכם עתיק, האט אונזער מענטראפאוזש — גארניט קיין חכם עתיק — איבערגעזעצט דעם נאמען „ר׳ ברוך׳ל״, וואס איז געשטאנען אין דעם זעלבען דאהמעל פון די „לעקציעס״ פון פריהער מיט א טאג.

מיר בעטען ענטשולדיגונג פון ר׳ ברוך׳ל אין דערזעלבער צייט דריקען מיר אויס אונזער פארדרוס וואס דער נאמען פון אמת׳ן מחבר חכם עתיק איז נישט ארויסגעשטעלט געווארען.

רעדאקציע.

בעקאנטמאכונג צו די דעטראיטער אידען

מאנישעוויטש׳ס מצה גיט א פראצענט פאר׳ן בית יתומים

צו די פרויען פון דעטראיט

פרויען! איהר האט געהאלפען בויען א בית יתומים.

איצט איז אייער פליכט צו בויען א ״ער נורסערי.

קומט נעקסטען מאנטאג אווענד אין עטינגערס האל צום מיטינג פון דער ״ער נורסערי.

דיעזער אדווערטייזמענט איז בעצאהלט געווארען פון דער לעאנארד וואוד ליעג פון מישיגאן.

וואלטער פייפער וו. פרעז.

ס. א. וויזוערט, סעק. און טרעזש.

לעאנארד וואוד

איז פאר

א פעדעראלע בודושעט סיסטעם עקאנאמיע אין וואשינגטאן.

באהערשערונג פון אמעריקאנער געשעפטען אין לאנד ווי אויך אין אויסלאנד.

אפשאפונג פון עקסעס פראפיט טעקס.

א לענגערען צאהל יאהרען אויף צו באצאהלען די מלחמה חובות.

פראטעקציאן פאר אמעריקאנער בירגער ביי דער אמעריקאנער רעגירונג, וואו זיי זאלען נור זיין.

פארזיכערען דאס רעכט פון אייגענטהום.

א ליעג פון נאציאנען אפמאך מיט רעזערוואציאנען דורכאויס אמעריקאניש.

א דיפלאמאטען דיענסט וועלכער זאל זיין רעספעקטירט אין דער היים, אזוי גוט ווי אין אויסלאנד.

און — פאר א קורצען טערמין פון אלגעמיינע איבונגען פאר יונגע לייט — ניט אויף צו פארגרעסערען זייערע פעהיגקייטען פאר מיליטער דיענסט, נאר אום צו מאכען זיי פעהיגער אויסצוהאלטען א היים; ניט אויף צו מאכען אמעריקא א לאנד פון סאלדאטען, נאר א לאנד פון גוטע בירגער.

מאן גיט זיין פלוניתטע $1 אויף איינקויפען א גט׳ל

א פרוי האט 9 מאס רייך

און אזוי ווי מרס. קלארא מ. בערי, איז אויך א פרוי, האט זי נעמען ארויסגעפלאפעלט אין קאורט א סוד, וואס האט פאראורזאכט, אז זי זאל קיין גט געבען איהר געמאנדרעל ניט קריגען.

די מעשה איז אזוי געווען:

דזשארדזש רינגדושעמאן האט איהר געפרעגט:

— האסט עפעס לעצטענס געקראגען געלט פון דיין מאן?

— בלויז $100, אבער פאר א געוויסען צוועק.

— וואס איז דער צוועק?

— מיין מאן האט מיר געגעבען די $100 אויף קריגען א גט.

— מיינסטו צו זאגען, אז דו האסט געמאכט יד אחת מיט דיין מאן, ארויסצוקריגען א גט צו ליעב א געוויסען געשעפט, און וועלכען איהר ביידע זענט פאראינטערעסירט?

מיס בערי האט צושאקעלט מיט׳ן קאפ.

— דו קענסט יעצט קיין גט ניט קריגען, — האט דער ריכטער ערקלערט דער פרוי מיט די 9 מאס רייך.

די בארימטע

ר׳ב מאיר לאנדאן׳ס מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד, קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר׳ מאיר לאנדאן׳ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלארס

קעדילאק 2061

שוואַרץ'ס
רוסיש-טערקישע, עלעקטרישע באד

מיט גרויסע מארבעל וואנעס, 2 כשר'ה מיקוואות, עלעקטריק קעבינעטס; וט פאר פארקיחלונג, רומאטיזם, בראנקייטעס און פאר אלע וועלכע ווילען האבען א גוטע בלוט סירקולייששאן. זעהר א שעהנע רעסטינג רום פאר שלאפען נעכט. מיר פארדינגען אויך די בעטען וועכענטליך פאר ריזאנייבל פרייזען. סטריקטלי ריין און גוט באהאנדלונג.

שווין פאר פרויען יעדען מיטוואך

גאווערנאר לאודען'ס רעדע

גאווערנאר לאודע פון אילינאיז א קאנדידאט פאר דער רעפובליקאנער נאמינאציאן פאר פרעזידענט האט שבת אין אווענד געהאלטען א רעדע אין דער אראַרי, וואו ער האט צווישען אנדערע, בערהרט די פראגע פון אונגעהויער הויכע טעקסעס און צוזאמענהאנג מיט דעם הויכען לעבענס קאסט.

מר. לאודען האט געזאגט, אז מיט עטליכע יאהר צוריק, נאך פאר דער מלחמה, זיינען די רעגיערונגס הוצאות אזוי הויך געשטיגען, אז שוין דאן האט דאס ארויסגערופען ערנסטע געדאנקען ביי דער בעפעלקערונג. דעם יאהר פאר דער מלחמה זיינען, די רעגיערונגס הוצאות אבגעשאצט - געווארען אין $1.000.000,000 דאן איז דאס בעטראכט געווארען אלעס א אונגעהערטע סומע. ווי אונגעהערט די איבערגעדראכטע סומע האט דאן ניט אויסגעזעהן איז עס א קלייניגקייט אין פערגלייך מיט די אויסרעכנונגען פון דעם לויפענדען יאהר, וועלכע זיינען מעהר ווי פיער מאהל אזוי פיעל. א לעבענס פראגע פאר אלע פאלקען איז, ווי אזוי צו קריגען גענוג טעקסעס אויף צו דעקען די הוצאות פון דער רעגיערונג, ניט אנריהרענדיג דעם לעבענס פונדאמענט פון געזונטע ביזנעס.

אלעס גאווערנאר פון אילינאי איז די פראגע, וועגען פארקלענערען די הוצאה פון דער רעגיערונג געשטאנען פאר מיר גאנץ שארף און איך האב אנטערנעמען צו טון אלעס מעגליכעס אום צו פערמיידען די וואקסענדע אויסגאבען.

ווען איך בין געווארען גאווערנאר פון אילינאיז איז מיין ערשטע אויפגאבע געוועזען צו פארקלענערען די סטייט אויסגאבען. איך האב דורכגעפיהרט אין די געזעצגעבענדע הייזער דעם סיוויל אדמיניסטרייטיוו קאדע, וועלכער האט אבגעשאפט די פונקציעס פון די פריהערדיגע באורדס, קאמישאנס און אנדערע אגענטורען, וועלכע האבען פערוואלטעט דער סטייט רעגיערונג פיעל אונגוצליכע אויסגאבען. אין דער שפיץ פון יעדען דעפארטמענט האב איך אנגעשטעלט א איינציגע פערזאן, ניט א באורד אדער קאמישאן. איך האב געשאפען א נייעם רעפארטמענט. נעהמליך א פינאנץ דעפארטמענט, וועמענס אויפגאבע איז געוועזען צו פערפערטיגען א בודושעט. אין רעזולטאט זיינען די אויסגאבען פון סטייט אילינאיז אין 3 יאהר פארקלענערט געווארען אויף א העלפט.

אויף ווי ווייט די פעדעראלע רעגיערונג איז אנבעלאנגט דארף די זעלבע זאך געטהאן ווערען אום צו מאכען די איבערשטייגענדע הוצאות קלענער. דער פינאנץ מיניסטער מוז האבען דאס רעכט צו צוגרייטען א בודושעט ריכטיג ווי עס איז געטון געווארען אין אילינאיז. ווען איך בין גערופען געווארען פאר די קאמיטעס פון קאנגרעס האב איך שטארק פארטיידיגט דעם אילינאיז בודושעט פלאן.

אין 1916 זיינען אין וואשינגטאן געוועזען בעשעפטיגט 30.000 קלערקס, א יאהר נאך דער מלחמה זיינען 102.000 קלערקס געוועזען בעשעפטיגט ביי דער וואשינגטאנער רעגיערונג, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די דיענסטען פון אזוי פיעל קלערקס זיינען שוין מעהר ניט נויטיג. אמאליגע יאהרען זיינען אונזערע טעקסעס געצאהלט געווארען אונדירעקט און זיינען ניט געוועזען גרויס, היינט איז ניטא קיין רעגיערונגס פראגע, וועלכע נעהמט ניט אריין טעקסייששאן. דער לעבענס מיטעל איז הויך צוליעב הויכע טעקסעס און טעקסעס קענען ניט פארקלענערט ווערען אידער דער הויבער קאסט פון רעגירען וועט פארקלענערט ווערען.

ווען מיר רעדען וועגען רעקאנסטרוקציא דארפען מיר ניט פארגעסען, אז דאס דארף מען אנהויבען אין וואשינגטאן ווען רעפארמען וועלען אנגעהויבען דורכגעפיהרט צו ווערען אין וואשינגטאן וועט זייער ווירקונג, זיך לאזען פיהלען איבער'ן גאנצען לאנד און אין יעדען ווינקעלע פון עקאנאמישען לעבען

די פארבונדעטע און פאלעסטינא

רויטער'ס אגענטור מעלדעט, אז דער פארשטעהער פון פאליטישען דעפארטמענט ביים פראנצויזישען מיניסטעריום פון אויסערליכע ענינים ה. מ. בערטהעלא, קומט היינט אן קיין לאנדאן צו פארהאנדלען צווישען ענגלאנד און פראנקרייך וועגען דעם שלום-אפמאך מיט טערקיי.

ווי דאס לאנדאנער אידישע קארעספאנדענץ-בוראָ מיט צו, בארעכטיגען דעם ענגלישען פרעמיער'ס לעצטע ערקלעהרונגען די ערוואַרטונג, אז אין פארלויף פון עטליכע וואכען זאלען פראנקרייך און ענגלאנד קומען צו אן איינפארשטענדניס בנוגע דער צוקונפט פון טערקיי און באזונדערס פון פאלעסטינא.

מיר וואלטען געקאנט האבען רעלעגירטע פון פוילען, רומעניען, אונגארן, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, באלקאנען טערקיי, סיביר, פון אמעריקא און מערב אייראפא. ווען מיר וואלטען צוזאמענגערופען א קאנגרעס אין הערבסט, וואלט מען געקאנט ערוואַרטען א גרויסע אידישע פארשטעהערשאפט און מ'וואלט געקאנט וויסען גענוי די שטימונגען וועלכע הערשען איצט צווישען די רוסישע אידען. דיזע אלע טיילען א חוץ מערב־אייראפא און אמעריקא נעמען ארום ביז פינף מיליאן אידען. צו זאגען מיר מבטל זיין א קאלעקטיוו פון 5 מיליאן צוליעב דעם וואס ס'געפינען זיך נאך 3-4 מיליאן אבגעשלאסען אין צענטראל־רוסלאנד? וואס וועלען מיר טאן ווען די בלאקאדע וועט נאך געבליבען א יאהר?

איך בין נארנישט אזוי זיכער אז מיר אלטען ניט געקענט קריגען די צושטימונג פון די מעכטע אפצוהאלטען אין א נייטראלע לאנד א קאנגרעס. מיר האבען געדארפט טענה'ן צו ענגלאנד און פראנקרייך אז מיר קענען ניט פעסטשטעלען אונזערע פאדערונגען אהן א קאנגרעס. אויב מיר האבען באקומען ערלויבניש צו האלטען א קאנפערענץ פון 150 מענשען, וואלטען מיר אויך געקענט האבען פאר 450.

איך בין איבערצייגט אז ס'איז מעגליך צונויפרופען א קאנגרעס, ווען דער רצון וועט זיין דאצו. מיר טארען ניט פארמאכען די אויגען צו דער איצטיגער לאגע. מיר געפינען זיך איצט אין א פארפלאנטערטע לאגע.

די פאליטיק פון אקציאנס קאמיטעט געפינט נישט צווישען די מאסען די נויטיגע אונטערשטיצונג, ווייל דער ענטוזיאזם איז אפגעשוואכט. ס'איז נעגע צו דערמאנען די מצב הרוחות אין אמעריקא, וועלכע איז איצט די הויפט קוועלע פאר ציוניסטישע טעטיגקייט.

אין דעם איצטיגען אקציאנס קאמיטעט איז פאראן איין מענש וועלכער מיט זיינע צוויי הענט כמעט אליין, האט פארטייהילף, האט ארויסגעשלעפט אונזער וואגען פון ווייטשעפעלער און פינזטערער נאסען, ביז די טויערען פון די שלום קאנפערענץ אין ווערסייל. דער מענש איז פעהיג און מסוגל צו די ראלען פון אן אמת'ען מנהיג, און יעדער קריטיקער דארף זיך בוקען פאר איהם, אבער ער איז דאך נאר איינער, און א יחיד איז דאך באגרענעצט.

מיר שטעהען פאר די טויערען פון ווערסייל, אבער אהן א פלאן. אונזערע פאליטישע פאדערונגען זענען נישט אין אבקלאנג מיט דער פאלקס־לאגע; אונזערע פאליטישע פאדערונגען זענען נישט אין אבקלאנג מיט די ארבייט באדערפעניסען. אונזערע פאליטיק אין ארץ ישראל האט געהאט א שלעכטע ווירקונג אויף אונזערע שונאים, אויף אונזערע הערשער און אויף אונז זעלבסט. די אינוואניגסטע ארדנונג אין אונזער ארגאניזאציע איז משונה'דיג: אנשטאט נייע כחות פאסענד פאר א נייע תקופה נוצט מען עד גאר די אלט איינגעווארצעלטע. ס'איז נישט דא קיין אנקלאנג צווישען דעם שעף און זיין ראליע.

דאס איז ניט א וועג וועלכער וועט פיהרען צום ציעל. ס'איז א געלעגנהייט צו פאדערען אחדות און דיסציפלין ווען אין אלע צענטרען פון דער באוועגונג הערשט אן אפאטיע, די אפאטיע קאן זיך פארוואנדלען אין אנצוטרוי, און יאוש און צו ענדע צו עקשנות.

די ווארגונגען ווערען געמאכט פון פריינד, פון די וועגען וועלכע זענען ניט געזעסען אין די לעצטע פיקסטע יאהרען מיט פארלייגטע הענט. פריינד טארען נישט שווייגען אין אזא מאמענט. א קאנגרעס אדער א באראטונג, רופט עס ווי איהר ווילט, אבער מיר מוזען ארויסגעהן פון דעם גלות, אין'ם נאמען פון אלעס הייליגעס אין אונזער באוועגונג, און דערפאר, אויב ס'איז שוין איצט נישט צו שפעט.

א דיפלאמאטישער גראם

דר. ארטור בייען ערקלעהרט, אז ווילסאן האט קראנקע געהירען. דאס גראמט זיך מיט לאנסינג'ס רעזיגנירען.

* * *

פרויען און רעכטע

דער באריהמטער שפאנישער פערפאסער, סענאר בלאסקא איבאנעז, איז ניט שטארק באגייסטערט פאר די פאליטישע רעכטע וואס די אמעריקאנער פרויען האלטען אין קריגען.

דאס איז עכט שפאניש... א שפאניער פערלאנגט בלויז פרויען אהנע רעכטע אבער רעכטע פרויען ניט...



שוין ערעפענט

די נייע גרויס

שוה סטאר

— פון —

ליבערוויץ בראס.

524 הייסטינגס סטריט

אין דעם צענטער פון הייסטינגס סטריט

ליבערוויץ בראס זענען יאהרען לאנג געווען אין דער שוה-ליין און האבען די בעסטע קאנעקשאנס מיט די גרעסטע שוה- מאנופעקטשורערס אין לאנד. זייער נייער סטאר האט א קליינעם עקספענס און איהר וועט קריגען די בעסטע סטיילס, גרעסטע וועליוס צו מע[...] ביגסטע פרייזען

פיס
עקזאמענירט
פריי

LIBERWITZ BROS.
524 Hastings St.

אונז אונזער גראדואירטען ספעשא־
ליסט אייך צופאסען די שוך וואו איהר
דארפט

קיינער טאר ניט ארויסגיין פאר פסח
פון אונזער סטאר לעדיג

LONGMORE

ווארט ניט ביז דער לעצטער מינוט און קויפט יעצט, וועט מען אייך ריכטיג אטענדען, און אונזערע טיילארס, וועלען אייך מאכען ריכטיגע אלטעריישאנס. מיט איין קליינעם דעפאזיט וועלען מיר דאס פיר אייך אוועקלייגען, ביז וואנען איהר וועט זיין רעדי דאס ארויסצונעהמען.

אין גנוען דער מעסעדזש פון אונזער פרעזידענט מר. אברהם האלפערין, ווען ער איז היינטיגע וואך געקומען צוריק פון סינסינאטער, שיקאגער, ראטשעסטער, און ניויארק מארקעטס, און אום צו באשטעטיגען זיינע סטייטמענטס, האבען פון די גארטה, איסט, סאוטענד וועסט אנגעפאנגען אריינצוקומען סוטס און די הונדערטער, און יעצט קענט איהר ריינען א סעלעקשאן פון דריי טויזענד סוטס אין ביידע סטארס. — אויב איהר זייט איין דאן טאנען קאסטימער, זאלט איהר ניט פארגעסען, צו אפסטאפען אין אונזער

גאלדבאנד קלאטהינג סטאר

289 וואודווארד

און מר. מאַיס האלפערין וועט אייך זייער העפליך אויפנעהמען און ציינען אייך די לייטעסט סעלעקשאן אין מענער סוטס און טאפ קאוטס, און אויב איהר זענט איין איסט סיידער קאסטימערסטימער, דאן איז יעדען איינעם גוט באקאנט די פירמע

האלפערין בראס. ענד דייוויס

וואו ערענטליכע באהאנדלונג, פינקטליכע אטענשאן, און מעינע פרייזען זיינען אימער געווען אונזער פאליסי, און פיר הייניגען ספרינג ווען קלאדהינג איז בראנד טייער פיטשור על מיר ריעל וואורסטערדס אין קאנסערוואטיוו מאדעלס ספעשעל פיר פסח

$57.50

יונג מענס דאבעל ברעסטעד מאדעלס 60.0

פערצעהנטע סטריט קאר וועט אייך ברענגען צו אונזערע צוויי סטארס סטאפט אפ אין אלפרעד און בוביען און געהט צו צוויי בלאק וועט איהר קומען צו אונזערע הייסטינגס סט. סטאר. — פאהרענדיג דאון טאון סטאפט אפ אין אדעמס און געהט צו איין בלאק ביז וואודווארד וועט איהר גלייך זיין אין אונזער גאלר באנד קלאטהינג שאפ

HALPERIN BROS, & DAVIS

JUDGE GAINEY

HAVANA
CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 117C

א ווארט וועגען די אפערא פרייזען

דעטראיט וועט זעהן אפערא אונטער די בעסטע קאנדיציאנען און פאר דיא נידעריגסטע פרייזען פרייזען ווען די שיקאגא אפערא קאמפאני וועט ערשיינען אין ארקעסטער האל, מארטש דעם 22. 23 און 24טען די גאנצע שיקאגא קאמפאני וועט געבראכט קיין דעטראיט מיט אלע באריהמטע פרינסיפאלס, באלעט, באחרוס און ארקעסטרא, פונקט ווי זיי ערשיינען אין שיקאגא, ניויארק און באסטאן. נאכמעהר, דעטראיט וועט הערען די אפערא פאר די נידעריגסטע פרייזען. אין ניויארק איז דער העכעלער סקייל פאר יעדען סיט צו מערי גארדען אין „אפראדייט" $10.00. די נאכפראגע צו הערען רופא אין „ריגאלעטא"" איז געוועזען אזוי גרויס אז ספעקולאנטען האבען פארקויפט סיטס צו 20 דאל. אין קליוולאנד, וואו די קאמפאני וועט אויפטרעטען אין די זעלבע אפעראס ווי אין דעטראיט זיינען די העכסטע פרייזען פאר סיטס $7.00. אין דעטראיט איז דער בעסטער סיט $6.00. דעטראיטער וועלען הערען די גרעסטע אפעראס פאר די נידעריגסטע פרייזען אין די שעהנסטע האללס פון אמעריקא און די גרעסטע סטארס. די אפערא וועט געגעבען ווערען ווי פאלגט: מאנטאג אבענד, 22טען מארטש „טאסקא' מיט מערי גארדען, עדווארד ושאנסאן, דושארדזש באקלאנאף און אנדערע באריהמטע פרינסיפאלס. דיענסטאג אבענד, 23טען מארטש, גאלי קורטשי, אין דער טיטעל־ראליע פון "לוסיא"; מיטוואך מאטינע — ראזא ראיסא און אלעסאנדרא באנטשי, אין די הויפטראלען פון „מאסק באל". דער שליסונג אבענד וועט זיין מיט דעם סענסאציאנעלען איטאליענישען באריטאן טיטא רופא, אין „ריגאלעטא". אין די אפעראס פון „לוסיא", די „מאסק באל" און „ריגאלעטא' וועט דער באלעט אונטער די פיהרערשאפט פון די באריהמטע רוסישע טענצערס, אנדרעאס פאוליי און סערגעי אוקאאינסקי, זיין דער פיטשור.

Chicago Opera Company
Orchestra Hall, March 22, 23 ,24

פון פעקטארי צו אייך
וואל פייפער

אונזער סטאק פון פייפער איז איצט אויסערגעוועהנליך רייך און שליסט איין פיעל מערקווירדיגע דעזיינס, וועלכע קענען ניט געפונען ווערען אנדערשוואו.

די קאנדיציאנען פון פייפער מארקעט ווייזען, אז פייפער וועט אויספעהלען אידער דער סעזאן ענדיגט זיך. אונזער ראטה איז אלזא, אז איהר זאלט קויפען איצט אפילו פאר צוקונפטיגען געברויך. אונזערע פרייזען זיינען גערעכטיגטע און אונזער פייפער שטעלט אייך צופריעדען.

New York Wall Paper Store
103 Michigan Avenue
C. R. Johnson, Prop

בריעף פון ווארשא

פון דוד גאלדמאן

בריעף נומער 2

וואַ-שאו יאנואר, 21טער, 1920

היינט בייטאג האב איך זיך צוריקגעקערט פון טשענסטאכאוו און סאסנאוויץ, וואו איך האב אויסגעצאלט די געלדער לויט די רעסיטס וואס איך שיק אייך דא: עס וועלען אייך פעהלען צוויי רעסיטס פון סאסנאוויץ און צוויי פון בענדזין און איהר וועט זיי ערהאלטען מיט דער קומענדער פאסט.

דאס געלט און די רעסיטס האב איך איבערגעלאזען אין די הענט פון רבי א. גליקמאן פון סאסנאוויץ און ער האט מיר פארשפראכען צושיקען די רעסיטס, די אורזאכע דערפון איז ווייל מרס. וואטסלאווסקי וואוינט ערגעץ אין א שטעטעלע אויך די צוויי פון סאסנאוויץ זענען ניט געקומען, אזוי איז אויך ניט געקומען מרס. נאוואצקי און איך האב געמוזט כאפען א טריין, וואס ווען איך ווער זי אן האב איך געדארפט ווארטען 24 שטונדען.

דער מאנגעל אין קויהלען האט צוקאליעטשעט די גאנצע אייזענבאהן סיסטעמע און אויף געוויסע ליניעס לויפט בלויז איין צוג אין מעת לעת. צו מאכען די לאנגע נאך שלימער פאר רייזענדע דארף מען נאך אויף געוויסע שנעל צוגען האבען א ספעציעלען פערמיט.

איך האב פארלאזען וואַ-שאו נאך טשענסטאכאוו 10.30 ביינאכט באגלייטעט פון הערר לעאן אונטערמאן וואס איז רעקאמענדירט געווארען דורך הערר בייטנער'ן. איך האב מיט זיך גענומען צו צוטיילען הונדערט און פופציג טויזענד מארקס.

מיר זענען אנגעקומען אין טשענסטאכאוו 4.30 ביי נאכט האבען געווארט אויפ'ן וואקזאל ביז אכט אין דער פריה. ווען מיר האבען ענדליך געפונען א פלאץ אפצורוהען דריי שטונדען.

דערנאך האבען מיר איבערגעביסען און האבען זיך ארויסגעלאזען צו דער ארבעט. עס האט גענומען איין שטונדע און דער גאנצער אידישער געגענד האט געקלונגען מיט אונז.

פרויען און קינדער האבען פון אלע עקען זיך געצויגען צו מרס. בייטנערס היים. מען האט געשטעלט פראגען און עס האבען זיך געהערט קולות אויף די העכסטע טענער.

נאר ווען איך בין אוועק איז שוין יעדער איינער געווען גליקליך און צופריעדען, זעהענדיג פאר זיך א האפנונג אויף א גליקליכע צוקונפט.

איהר דארפט וויסען אז איך האב געזעהן פאר זיך לייטע וואס האבען מיר געשלידערט אין געזיכט אריין טשעקס פון דער — — — באנק וואס זענען שוין אלט דריי פיער חדשים אויך מאני־ארדערס פון עקספרעס קאמפאניס. מיט איין ווארט, אלע האבען טשעקס פון פארשיידענע אמעריקאנער בענק און דא מוז איך אייך ווידער זאגען, אז די טשעקס זענען די נארישסטע און זעהר אפט זאגאר איז די האנדלונג פשוט פארברעכעריש מצד די ניויארקער בענק, וואס סטימולירען דאס ארויסגעבען פון טשעקס.

עס איז שוידערליך צוצוזעהן ווי מענשען ליידען און זענען געצוואונגען צו ווארטען ביז עס קומט אן דער „ארוויס״ טשעקס וואלטען געווען א ברכה ווען מען זאל זיי אויסצאהלען אהן אן „ארוויס״.

מרס. בייטנער האט מיר זעהר פיעל געהאלפען צוזאמענרופען די לייטע און איז אויך געווען גוט גענוג מיר צו ערלויבען מאכען די אויסצאהלונג אין איהר הויז.

דערפאר אבער האט זי געהאט א געלעגענהייט זיך אויסצורעדען דאס הארץ מכח איהר געהן קיין אמעריקא און אויף איהר קומענדיג האבען אנדערע ווייבער אויך אריינגערעדט שטונדען לאנג, ביז איך בין אוועקגעפאהרען.

איהר קענט זאגען אלע אונזערע פריינד אז איך האב געפונען אלע זייערע פאמיליעס געזונט און שטארק נאר וואס מעהר געלט זיי וועלען שיקען, דעסטא בעסער, ווייל יעדע זאך איז שרעקליך טייער.

זאגט מר. יאססאוויץ, אז זיין פרוי איז א פאלקאמענע ליידי, זעהר א גוטע פרוי און נאך א בעסערע מאמע צו די זעקס קינדערלאך. יעדער איינער אין שטאדט בענשט זיך מיט איהר און לויבט איהר פאר איהר גרויסער אפערווילליגקייט וואס זי האט ארויסגעוויזען אין פארלויף פון דער מלחמה צו געהן אין די געפעהרליכסטע פלעצער אבי צו פארדיענען א פאר גראשען צו דערהאלטען איהרע קינדער ביים לעבען. ער מעג געוויס זיין שטאלץ אויף איהר.

מרס. קראקאווסקי איז נאך אליין ניט אינגאנצען געזונט אבער זי איז שוין ארונטער פון בעט, זי איז א קלוגע געשעפטס פרוי און ווי איהר וועט זעהן פון דעם רעסיט האב איך איהר אויסגעצאלט 5000 מארק, ווייל זי האט ערהאלטען פון דייטשלאנד א טעלעגראמע אז איהר זוהן פיהלט ניט אם בעסטען און זי האט געמוזט צופאהרען צו איהם.

זאגט מר. גראסבערג אז זיין פאטער איז געווען גאסטפריינדליך גענוג מיך איינצולאדען צו זיך אהיים און געמאכט פאר מיר אן אנבייסען און איך וועל דאס לאנג געדענקען.

אכט א זייגער אויף דער נאכט בין איך פארטיג געווארען און האב זיך געזעגענט מיט גאנץ טשענסטאכאוו.

מאנטאג 6 אין דער פריה בין איך אפגעפאהרען קיין סאסנאוויץ אנגעקומען זיינען מיר האלב נאך ניין. מיר האבען געוואוסט אז האלב נאך דריי געהט צוריק דער באהן און מעהר קיין באהן איז ניטא ביז מארגען האלב נאך דריי.

איהר קענט זיך דעריבער פארשטעלען ווי אזוי מיר האבען געארבעט אבער מיר האבען אונזערס אפגעטאן מיט א פאר אויסנאמען. אויף מיין רייזע צוריק פון טשענסטאכאוו איז געווען אזוי געפאקט אז איך האב דעם גאנצען וועג געמוזט שטעהן אויף די פיס ביז זיעבען א זייגער, ווען איך בין אנגעקומען אין ווארשאו. אין באהן זענען מענשען געזעסען און געשטאנען אזוי צוזאמענגעדריקט בוכשטעבליך ווי הערינג אין א פאס מיער בין איך געווען און דערצו נאך איז געווען א נאסער טאג האב איך געכאפט א פארקיהלונג.

קומענדיג קיין טשענסטאכאוו האב איך פראבירט קויפען א טיקעט אויף א שנעלצוג, אבער אזוי ווי מען מוז האבען א ספעציעלע ערלויבניש האב איך זיך געווענדעט צו דעם מאמענט נאך אזא ערלויבניש, האט מיר קודם גענומען ביז האלבע נאכט צו קריגען איהם צום טעלעפאן און דערנאך ערשט האט ער מיט באדויערען ערקלעהרט אז ער וואלט מיר גערן געגעבען די ערלויבניש נאר ס'ליגט ניט אין זיינע הענט, איך דארף זיך זעהן מיטן סטאראסטא אויף מארגען האט מיר דער סטאראסטא געגעבען א פערמיט. דערווייל האב איך צוריבען אנדערטהאלבען טאג. ווייל פון קראקאו קיין ווארשאו געהט א צוג בלויז איינמאל אין מעת לעת, ארום דריי א זייגער.

נאך א באהן געהט דורך. (אן אקסעגצוג) אבער ס'דארט שרעקליך קאלט, קיינע באלייכטונג און די פענסטער אויסגעבראכען און ס'נעהמט 16 שטונדען ביז מ'קומט אן קיין ווארשאו און איהר קענט מיר גלויבען, ווען איך בין אנגעקומען אין ווארשאו, בין איך געווען אינגאנצען ווי צובראכען און איינגעמארעגירט צווישען נאך 14 פאסאזשירען וואו ס'איז קוים געווען פלאץ פאר 8 און די גאנצע צייט איז מען געשטאנען און ס'אפילו ניט געווען אין וואס זיך אנצוהאלטען. דערצו איז נאך דער באהן געווען דריי שטונדען שפעט.

די פאסט איז זעהר ניט רעגעלמעסיג און ס'נעמט לאנג ביז מ'קריגט אן ענטפער אויף א בריעף, צו געבען אייך א איללוסטראציע וועגען דעם צושטאנד פון די אייזענבאהנען אין צענטראל אייראפא וועט גענוג זיין ווען איך וועל אייך דערצעהלען אז היינט אין באהן האב איך זיך אנגעטראפען מיט צוויי לייטע וואס זענען מיט מיר אינאיינעם געווען געפאהרען אויף דער שיף.

פאריז האבען זיי פארלאזען דעם 3טען יאנואר, און ערשט היינט בייטאג זענען זיי אנגעקומען קיין ווארשו, דאס מיינט אז זיי זענען געפאהרען 1[illegible] טעג פון פאריז.

דעם דאזיגע פאקט וועט איהר ערקלעהרען לייטע וואס ווילען ברענגען פאמיליעס, זאלען זיי אליין אורטיילען אויב ס'איז מעגליך צו לאזען פרויען און קינדער פאהרען אונטער אזעלכע באדינגונגען, און דאס קאסט נאך דערצו אפ א פארמעגען, ווייל מען באצאלט אלעמאל שטעקען הינטע־וועגענס אויף עטליכע טעג.

אונטער אזעלכע באדינגונגען וועט מיר זיין אוממעגליך צו זיין אין פינסק, איך סטארע זיך צו קריגען אן ענטפער פון קאברין.

וואס אמבעלאנגט ליטא, גלויב איך אז די פארבינדונגען זענען בעסערע און איך וועל אייך שרייבען וועגען דעם אין איינינע טעג ארום.

איך וואלט אייך געוואלט מעהר שרייבען, נאר איך אייל זיך אויך צו שיקען די בריעף און עס ווערט שפעט.

ענדליך האבען מיר באקומען א פלאץ צום שלאפען: האטעל ראמא. מיר האבען באצאלט א כאבאר (גרעפט) פון 2,500 מארק

אייער,

ד ו ד ג א ל ד מ א ן.

בריעף נומער 3

וואַ-שאו, פעברואר, 2טער.

עס איז היינט צוויי חדשים אז איך האב פארלאזען דעטראיט, און צו זיין אפענהערציג, ווען איך ווארף א בליק אויף די פאר חדשים וואס זענען אפילו זעהר א קורצע צייט (אבער פאר מיר זעהר לאנג) גלויב איך ניט אז איך האב שוין זעהר פיעל אויפגעטאן איך ווייס אז איך האב זעהר שווער זיך באמיהט צו טאן אלעס וואס כ'האב געקענט, אבער עס געהט זעהר לאנגזאם און דער צושטאנד אין אייראפא איז אזעלכער וואס איהר קענט זיך עס קיינמאל אין לעבען ניט פארשטעלען, סיידען איהר זעהט דאס אליין, איהר לעבט דאס אליין דורך און באקומט די ערפאהרונג.

דער אייראפעאישער פראצעס פון האנדלען איז תמיד געווען א לאנגזאמער און האט זיך געפיהרט אויף א „כ'האב צייט" — באזים בפרט היינט צו טאג איז קיין זאך ניט מעגליך אפצוטאן אדער דורכפיהרען, סיידען מען זאל ניט פארשווענדען דערויף דעם גאנצען פארמיטאג אדער נאכמיטאג און אזוי פטרט מען א טאג און באסטא!

יעדער איינער און יעדע זאך ציהט זיך און ציהט זיך אזוי לאנגזאם און באקלאגען זיך, אלעס באקלאגט זיך פון דעם מיניסטער אין באנק ביז דער פרוי וואס קומט אפנעהמען איהר געלט.

זייענדיג דא דריי וואכען האב איך שוין באלד זיך אנגעשטעקט מיט דער טבע פון אייראפא... ניין, ס'ניט אמת איך ארבעט צו שווער דורך די טעג און מוז האבען רוה, אין די אויף דער נאכט'ן, דאס איז די אורזאכע, וואס כ'שרייב אזוי ווייניג.

היינט איז מיין ערשטער טאג וואס איך ארבעט שוין אין מיין איינענעם קאנטאר. וואו עס ארבעטען ביי מיר דריי מיידלאך און א מאן אבער ביי יעדער זאך מוז איך שטעהן און אכטונג געבען און אלע מאל ווערט די ארבעט איבערגעריסען, ווייל איך דארף אויפנעמען באזוכערס און זיי געבען ערקלעהרונגען, ווי איך האב אייך געקייבעלט האב איך שוין ערהאלטען די רעפארטס 7,9 4,56

אריבערשיקען געלט אין פראווינץ שטעדט איז א גרויסע שווערע פראבלעמע, דער פאסט אפיס נעמט אן טשעקלאך, מאני ארדערס א. ז. וו. אבער איהר קענט קיינמאל ניט וויסען ווען דאס וועט ערהאלטען ווערען.

אויך קען איהר קיינמאל ניט וויסען, אויב דער קלערק אין פאסט אפיס וועט עס אננעמען... איהר זענט ביי איהם אין די הענט.

קיין סובאלק האב איך געשיקט קעש און קאנווערטען דורך דעם פאסט אפיס, נאר דריי מאל האב איך עס געמוזט שיקען, ביז ענדליך האט דער פאסט אפיס דאס אנגענומען אלע מאל איז דאס געלט צוריקגעקומען פון פאסט אפיס מיט עפעס אן ענטשולדיגונג.

איך האב אייך היינט ארויסגעשיקט רעסיטס מיט אונטערשריפטען פון די געלדער וואס איך האב שוין צעטיילט

זאגען אייך דעם אמת וואלט איך שוין זעהר שטארק געוואלט זיין צוריק אין דעטראיט, ווייל די ארבעט איז אזוי שווער, אבער ווען מען זעהט זיך צו וואס מענשען ליידען זיך דא אן און ווען מען זעהט די מענשען בעת מען דעליווערט זיי דאס געלט, פיהלט מען זיך באלוינט פאר דער שווערער מיה, און מ'בעט מיט וואס ס'קומט אוים צו קעמפען.

דער היגער איד איז געוואוינט געווארען אנדערש באהאנדעלט צו ווערען אין א באנק.

ער קומט אריין צושראקען, מיט א רחמנות פנים, מיט'ן היטעל אין האנט און שטעהט כעני בפתח.

און ווען ער קומט אריין צו מיר אין קאנטאר, הייס איך איהם אנטאן דאס היטעל, בעט איהם זיצען, צורעד זיך מיט איהם אויף אידיש, און ער דערפיהלט אז דא צו איהם רעדט א פריינד און ער איז שוין נאר מעהר ניט אזוי געפאלען ביי זיך, און די עטליכע מארק וואס איך צאל איהם אוים זענען ביי איהם פיעל מעהר אנגעלעגט ווי א ניט אידישע באנק צאהלט איהם אוים, און אפילו ווען דער ליסט איז נאך ניט אנגעקומען און איך האב פאר איהם נאך ניט קיין געלט, פיהלט אויך דער איד אז ער ווערט באהאנדעלט בעסער, און איך נעם אויף זיך אלע שוועריגקייטען צו באמיהען זיך און צו קריגען די ליסט און זיי לאזען וויסען ווען עס קומט אן געלט פאר זיי.

קורץ איך באהאנדעל זיי, בכבוד און מיט ליעבע און זיי צאהלען מיר צוריק אזוי ווי איך פארדיען.

אייער,

ד ו ד ג א ל ד מ א ן

האטעל ראם, ווארשאו, פוילען

CLASS OF SERVICE	SYMBOL
Telegram	
Day Letter	Blue
Night Message	Nite
Night Letter	N T

If none of these three symbols appears after the check (number of words) this is a telegram. Otherwise its character is indicated by the symbol appearing after the check.

WESTERN UNION TELEGRAM

NEWCOMB CARLTON, PRESIDENT GEORGE W. E. ATKINS, FIRST VICE-PRESIDENT

CLASS OF SERVICE	SYMBOL
Telegram	
Day Letter	Blue
Night Message	Nite
Night Letter	N L

If none of these three symbols appears after the check (number of words) this is a telegram. Otherwise its character is indicated by the symbol appearing after the check.

RECEIVED AT COR. CONGRESS & SHELBY STS., DETROIT, MICH. ALWAYS OPEN.

1920 MAR 13 AM 1 23 1920 MAR 13 AM 1 21

A12NY CABLE

VARSOVIE 15

3877

IZRAEL ESSER

161 Medbury DETROIT MICH

ONEHUNDRED THOUSAND RECEIVED MANY THANKS MOISZE

JUDKOWSKI.

די דאזיגע קייבעל ווערט איבערגעדרוקט מיט דער געפעלינער ערלויבניש פון מר. ישראל עסער פון 161 מעדבורי צו ווייזען די קייבעל איז אנגעקומען פון זיין מינסקער שוואגער משה יודקאווסקי צו ווייזען די גאלמאן בראס האבען אויסגעצאלט פאר מר. עסער דעם 6טען פעברואר הונדערט טויזענד מארק.

די דאזיגע קייבעל איז דער בעסטער באווייז וואס פאר א סערוויס מיר געבען אונזערע קליענטען, האפענטליך וועלען מיר אין דער צוקונפט זיי קענען גיין טאן אונזער דינסט פונקט ווי אין דער פאראייניגטע שטאטן. אכטונגספאל,

GOLDMAN BROTHERS.

393 Hastings Street **Detroit, Mich**

Foreign Office

David Goldman, Przejazd 5 Warsaw, Poland

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

װאָרום מענשען לעבען ניט אויס זייערע נאטירליכע יאהרען

פון ב. י. ג—ן

געדענקט איהר אפשר ווי מען האט אמאל געפויקט אין אלע קעסטל־פויקען וועגען אזא מין לעבענס וואסער וואס אז מען טרינקט זי איז לעבט מען אייביג?

אט־דער שמן־חיים, אדער סם־החיים, וועט תמיד זיין א מיטעל ביי שווינדלער ארויסצונארען געלד ביי נאאיווע און גלויביגע. און יעדען דור און אין יעדען לאנד שטעהט אויף פון צייט צו צייט א דאקטאר, וואס נוצט אויס דאס אונוויסענהייט פון די מענשען און זייער צוטרוי און איז מודיע, אז ער האט ענטדעקט דעם לעבענס עליקסיר און ווי די נאאיווע גלייבען און גיבען אפ דאס לעצטע אויף ארייצוכאפען א פאר לעפעלעך "אייביגעס לעבען".

אז דאס איז שווינדעל פארשטעהט יעדער אינטעליגענטער מענש. עס איז א כלל אז דער מענש איז געבוירען צום שטארבען. אדם יסודו מעפר וסופו לעפר. אפילו די נייע דאקטארשע אנאנסען, און וועלכע מען איז מודיע אז עס זיינען פאראן מיטלען אנצוהאלטען דאס לעבען אזוי לאנג ווי מען באנוצט זיך מיט/דיזע דאקטארשע מיטלען — אפילו דאס איז פאלש. מען קען דעם מענשען קיין יאהרען ניט פארקייפען. גיסט מען אין איהם מעדיצינען אדער מען שפריצט אין איהם איין פארשיעדענע סמים — דאס וועט ניט העלפען. יעדע לעבעדיגע זאך איז געבוירען צום אויס־טערגעהן.

די הויפט צרה איז נאר וואס דער היינטיגער מענש פיהרט אזא מין לעבען וואס איז איהם מקצר די יאהרען. דער מאדערנער מענש לעבט ניט אויס זיין צייט, וואס איז איהם באשטימט פון דער נאטור.

מענשען קענען ניט לעבען אייביג.

עס איז אבער כמעט זיכער אז דאס רוב מענשען וואלטען געקענט לעבען ביז אן עלטער פון הונדערט אדער עטוואס ווייניגער פון הונדערט יאהר.

זעהר ווייניג מענשען לעבען אבער ביז דיעזער עלטער. און דאס איז זייער אייגענע שולד, ווייל זיי ווייסען ניט ווי אזוי איסצוהיטען זיך פון קראנקהייט און — וואס נאך ערגער — זיי ווייסען ניט וואס קראנקהייט איז.

אפטמאל ווען מען פארטראכט זיך אויף דער אומוויסענהייט פון די היינטיגע מענשען און אויף זייער נאכלעסיגקייט צו זייער געזונד, וואונדערט מען זיך פיט דעריף וואס זיי לעבען ניט קיין הונדערט יאהר. נאר דעריף וואס זיי דערלעבען די עלטער, וועלכע זיי לעבען היינט.

וויפיל מענשען קענט איהר אנטרעפען יעדען ליעבען טאג, וואס פיהלען אז זייער קערפער איז אין אומארדנונג. זיי זיינען, ווי מען זאגט "ניט מיט אלעמען", און פונדעסטוועגען מעגשלען זיי זיך, הערען זיך ניט צו און געהען אן מיט זייערע ארבייטען און זארגען גלייך ווי זיי וואלטען געווען פאלקאמען געזונד, עבטע גבורים.

א מענש פארמאגט רמ"ח אברים. צוויי הונדערט מיט אכט און פערציג גליעדער און אויף יעדען אבר באזונדער קען א מענש קראנק זיין. דאס מיינט אז עס זיינען פאראן 248 קראנקהייטען. עס זיינען אבער דא מעהר חולאת'ן, ווייל אמאל קען פון צוויי קראנקע אברים זיך שאפען א דריטע, א מין קאמבינאציע־קראנקהייט.

עס זיינען אויך פאראן ירושה קראנקהייטען.

א מענש איז עלול צו ירש'ענען פון זיינע עלטערן משאכאטקע, ראק, עפילעפסיע און פיעלע אנדערע.

עס זיינען אויך פאראן חולאת'ן וואס קומען פון צופיעל אנשטרענגונג אדער פון צופיעל ארבייט.

א מענש קען קראנק ווערען פון שלאפלאזיגקייט. ער פארליערט מעהר גייסטיגע און קערפערליכע כחות פון שלאפלאזיגקייט ווי פון שווערער ארבייט. מען קען אויך קראנק ווערען פון לעדיג געהן.

עס זיינען פאראן אנדערע מעכאנישע חולאת'ן, ווי למשל די קראנקהייטען פאראורזאכט פון טראגען קארסעטען, הויכע אפואצען, ענגע שיך, ענגע זאקענפענדלעך און עהנליכעס וואס פאראורזאכט א שטערונג פון דער בלוט צירקולאציע.

פיכטע וואהנונגען, וועטער אומבייטונגען און אנדערע וועטער אומשטענדען ברענגען חולאת'ן פון וועלכע א מענש ליידעט אמאל יאהרען לאנג. דאס זעלבע איז מיט די חולאת'ן פאראורזאכט פון עסען צופיעל, אדער צו ווייניג עסען, פון ניט פרישע און פון איבערגעשטאנענע מאכלים.

פאראן חולאת'ן פאראורזאכט פון די דירות. מען האלט זיי ניט פריי פארזומפען; — פון ניט האלטען זיך אליין ריין און רעגעלמעסיג נאכקומען די נאטירליכע הצטרכות'ן; — אנשטעקענדיגע חולאת'ן ווי אינפלוענציא, שקארלאטין, הידראפאביע א. ד. ג. — חולאת'ן פון קלימאט: געלער פיבער, שלאף־קראנקהייט פוילקיים א. ד. ג.

און ווער קען עס גאר אויסרעכנען די אלע קראנקהייטען וואס ווערען אנגעשיקט און קענען אנגעשיקט ווערען אויף מענשען?

און דאס זיינען דאך חולאת'ן חוץ די 248 וואס קענען פאלען אויף איטליכען אבר באזונדער.

דער מענש פארעט, ארבייט, לויפט, טאראראמט, זארגט זיך הארט זיך ירעם מה יאגט זיך און רעגט זיך אויף. כאטש דאס איז פאר איהם סם המות און דאס איז די אורזאכע ווארום די מענשען שטארבען יונגערהייד און וואס איינער פון א הונדערט לעבט אויס זיינע יאהרען וואס די נאטור האט איהם געשאנקען.

ארום דעטראיטער אידישע ארגאניזאציעס

בית יתומים

לעצטען זונטאג אוונט איז אפגעהאלטען געווארען דער 4־טער יעהרליכער מיטינג פון היגען בית יתומים, אין אויטאפיע האל.

עס זיינען אנוועזענד געווען ארום 600 ליידיעס און א חובשע צאהל מענער.

צום אנעמערשטען האט די פרעזידענטין, מרס. ראטענבערג איבערגעגעבען די טשעראמאנשיפ פונ'ם אוונט צו דעם באוואוסטען כללטוער, מר. ליפא דענן. דער סעקרעטער, מר. ראגאוויי האט אפגעגעבען זיין פאלשטענדיגען 2־מאנאטליכען פינאנציעלען רעפארט, וועלכען מען האט אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט.

אכהער האט מר. וויסוואסער, דער־טשערמאן פון דער באארד און דירעקטארס און זעהר טיכטיגער טוער פון בית יתומים, אפגעגעבען א באריכט וועגען דעם איצטיגען צושטאנד פונ'ם אנשטאלט, ווי [illegible] צאהל קינדער, ווער זיי זענען, ווי זיי פיהרען זיך אויף ווי מען פאסט אויף זיי אויף, ווער די אייזאמע זיינען, א. ז. וו. ער האט אויך פארגעשלאגען איינינע רעקאמענדאציעס און האט געבעטען אז זיי זאלען אבסאלוט אנגענומען ווערען פאר דער וואהל־אונטערהאלטונג פון בית יתומים. די רעקאמענדאציעס זיינען:

1) אלע פריינד־מיטגליעדער־ינס, וועלכע צאהלען 25 סענט א מאנאט דיים זאלען צאהלען דעם קאלעקטאר ניט ווער־נער ווי צו איין דאלאר אויף א מאל, כדי דער קאלעקטאר זאל ניט דארפען פארשווענדען צופיעל צייט אויף ארומגעהן קאלעקטען, דורכדעם וועט דער בית יתומים פיעל איינשפארען.

2) באזונדערע זאלען אפהיטען די רעגולאציעס פון הויז, ניט געבען קיין שפייז (און מינג עס זיין קענדי) דירעקט צו די קינדער, ווייל דאס פארשאפט טראבעל. דער וואס וויל עפעס געבען צו די קינדער, קען עס טאן דורכ'ן הויז־קיפער. קיינער טאר ניט ברענגען קיין געלט צו די קינדער. באזוכער זאלען זעהן קומען זין די באשטימטע וויזיט־שטונדע און ניט סתם ווען עס קומט זיי אויס.

3) מען זאל באזארגען די קינדער מיט פארשיעדענע שפיעלצייג, ווייל דאס איז זעהר נויטיג, און אויך מיט קליידונג.

מר. וויסוואסער האט אויך באריכטעט, אז די ווארשעווער בעקערי גיט ברויט און קייקס פאר די קינדער, נאך 6 מאנאטען צייט. ער האט אויסגעדריקט זיין האפנונג, אז נאך די 6 מאנאטען ווערען די איינגעטיילטע פון דער ווארשעווער בעקערי פארזעצען טאן זייער נאבעלען ביישפיעל.

עס איז אויך באריכטעט געווארען, אז מר. האאס, פון דער שוה־סטאר, קארנער פארנסווארטה און הייסטינגס, האט פארשפראכען צו געבען שיך פאר אלע קינדער אויף פסח; אז דער קעסל טעאטער, עסקארין און הייסטינגס, האט ארויין די קינדער צוויי מאל א וואך זעהן א פארשטעלונג אומזיסט; אז די בארבער־שאפ פון די הערען מילער, עקעלמאן און קרעפער, 502 הייסטינגס סט., וועלען פריי אטענדען צו די קינדער אין אלעם וואס אלאנגט צו זייער פאך; די געעהרטע דאקטוירים, ראטענבערג און בערענשטיין גיבען זייער "סורוויז" פריי, דר. ראטענבערג גיט אויך אלע מעדיצינען און מעדיקאמענטען פריי.

נאכהער האט גערעדט מר. האכמאן. ער האט געזאגט, אז דער מארטגידזש פון הויז מוז אפגעצאהלט ווערען, אום מען זאל שפעטער ניט דארפען צאהלען זיין אינטערעסט. זיין רעקאמענדאציע איז אנגענומען געווארען.

דער גאסט פונ'ם אוונט זיינען געווען די ברידער מאנישעוויטש פון דער סינסינעטי'ר מצה־בעקערי. עס איז פאר געשטעלט געווארען מר. ב. מאנישעוויטש, וועלכער האט גערעדט מכח דער ווייכטיגקייט פון דער אינסטיטוציע. ביידע ברידער זיינען געווארען עהרען־מיטגליעדער, און האבען זיך סובסקרייבט צו צאהלען א געוויסע סומע יעדען יאהר. די לעווין מצה קאמפאניע האט געגעבען $200 און פריי מצה פאר דעם בית יתומים. די געזאמעלטע סומע פונ'ם אוונט איז געווען $331.50. מר. דענן האט פארשפראכען ארייצושיקען נאך $50 צו דער סומע וואס ער האט פריהער מנדב געווען.

מר. מעסערמאן האט דערנאך דורכגעזען די קאנסטיטוציע און די באיאו'ס פונ'ם אנשטאלט, וועלכע זיינען איינשטימיג אנגענומען געווארען און דער־מיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

פיפעלס רעליעף

פאלגענדע דאנעישאנס זיינען אריינגעקומען אין אפיס פון פיפעלס רעליעף, 490 הייסטינגס סטריט:

א דאנעישאן פון מא"רים וויים 567 פארטינט סט. $10.00 דאנעישאן $1.00 אויף א חתונה ביי דזשא דייווידאוו 987 ריוואוד סט. $17.35 דאנעישאן פון דזשמאן 268 עליאט $1.00. פון סעם ספיוואק וואס ער האט ביינעשטייערט ביי צוקערמאנס פערזאמלונג פון 22טען סעפ. 1919 35.00$ פון ביאליסטאקער פעראיין אלס מיטגליעדס ביישטייערונג דער פיפעלס רעליעף $5.00 פון א ברית ביי מר. ס. אלעקסינסקי 337 אלעקסאנדרין סט. א. דורך מ. וו. זאק 16-515 בובין סט. $10.00 דאנעישאן פון מר. דז. וועלנער 370 אלעקסאנדריין $1.00 פון א ברית ביי מר. און מרס. גראס 127 ליווינגסטאן סט. 60.00 געזאמעלט ביי איין אפיעל פון מר. קאהן, און איבערגעגעבען אין אפיס דורך מר. טורין מ. ראזען, גראסס, און קאהן פון בערענשטיין דזש' פארוועטס אפיס א. ווארען, $3.00 $18.00 דאנעישא פון מרס. ביסקין 225

ביי מר. ס. קאהן און פלינט

אויף א תנאים פאר די אידישע מלחמה קרבנות מר. און מרס. ס. קאהען 801 נאער סט. איז קאלעקטעד געווארען דורך רבי דיקשטיין אין פלינט פון די אנוועזענדע אויף דער שמחה די־סומע פון 131 דאלאר דאס געלט איז אבגעשיקט געווארען דורך מר. קאהן צו דער שיקאגער רוסאינגט רעליעף.

י. ל. מ.

אויף דער חתונה ביי מר. און מרס. קאהענס טאכטער אין 801 נייל סט. דורך רבי דיקשטיין איז געזאמעלט געווארען $151 פאר די מלחמה קרבנות דאס געלט איז אפגעשיקט געווארען אין ווערבען פראיט.

משולח פון ירושלים'ער מייד לאך־שולע אין דעטראיט

אין דעטראיט געפינט זיך יעצט א משולח פון דעם ירושלים'ער "בית חינוך", וואו אידישע טעכטער ווערען ערצויגען אין פרומען ארטאדאקסישען גייסט.

דער נאמען פונ'ם משולח איז רעב. בענדיט ליב מאלוואן.

ער רעב. מאלוואן גיט איבער, דאס די מלחמה פאקטיש רואינירט דיזען אנשטאלט, וואו איבער פיער הונדערט אידישע טעכטער האבען געקראגען א אידישע ערציהונג. דער אשכנזישער בית דין און דער חכם באשי רבי רנן פון ירושלים, האבען ארויסגעלאזען א וואריען אפיעל צו די אידען פון די גלות־לענדער, זיי זאלען מנדב זיין פאר דיזען אנשטאלט.

סעקרעטארען פון דעטראיטער סאסייטיס, פאראיינען און ארגאניזאציעס אויפמערקזאם!

פון היינט אן פיהרען מיר איין אן אפטיילונג יעדען זונטאג, פאר באריכטען פון ארגאניזאציעס.

שיקט אריין אייערע באריכטען אין רעדאקציע פון "וועג". שרייבט קלאהר, קורץ, מיט טינט, אהן איבעריגע הקדמות און אויף איין זייטעל פאפיער.

אונטער יעדען באריכט מוז זיין געחתמ'עט דער נאמען פונ'ם סעקרעטער אדער פון אן אנדער באאמטען.

א נייע שוה פירמא אין הייסטינגס סט.

היינטיגע וואך איז הייסטינגס סטריט רייכער געווארען מיט א שוה סטאר, דאס זענען די באקאנטע ברידער ליבערוויין וואס זענען יאהרען לאנג געווען קלערקס אין די שעהנסטע שוה סטאר'ס אין שטאדט. מר. וויליאם ליבערוויץ האט 20 יאהר עקספיריענסט אין דער שוה ליין און זיין ברודער דייוו איז א לאנגע צייט געווען מיט יעגער און אקערמאן און לעצטענס ביי דער באוואוסטער פירמא האלפערן בראס און דייוויס.

די ברידער ליבערוויץ האבען זעהר קליינע עקספענסעס אין זייער מיעם סטאר און די קאסטימער וועלען קריגען דעם גרעסטען בענעפיט דערפון.

דעטראיט'ער שפיגעל

פון [illegible]

פראבירט צו פארשטעהן געבען וועגען וואס דא האנדעלט זיך. אבער זי'ן מוח'ל האט עס בשום אופן נישט געקענט באנעהמען. ער האט געווארפען בליקען דא אויפ'ן "רוסישען" בוך און דא אויף מיר און נישט געקענט פארשטעהן פארוואס איך בין אזוי איבעראשט. איך האב זיך קוים ביי א'הם איינגעבעטען ער זאל צורעכטמען דעם סדור און איהם אפהיטען, ווייל ער וועט איהם צוניץ קומען.

אפשר וועט ער מיך אמאל פארט פארשטעהן?

מאנישעוויטץ נים סינסינעטי

נים אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה נים צו זאגען "סינסינעטי מצה". נאר אויסדריקליך פאדערען

מאנישעוויטץ מצה

"די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר ווילט קיין אנדערע נים נעהמען. און אז אייך קען מען נים נארען.

ריזיקירט נים מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר דן וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

די ב. מאנישעוויטץ קא.
סינסינעטי, אהייא

ניו־יארק אפיס:
1 יוניאן סקווער

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO

Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
Detroit Office 255 Napoleon St

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

א פאר ווערטער פון א מצה אגענט

דעטראיט איז א זעהר שעהנע שטאדט און ווי די נשמה פון דער שטאדט אזוי זיינען אירע מענשען. יעדער ווייס דאס אז: דעטראיט איז נאכט פריינדליך. אידישע אידען ווי די פריינדליכע געגענדן זיינען דא אזוי פריינדליך צו יעדען איבערצוקומענעס און פינדעסטוועגען מיז איך זאגען אז מיין נדר איז א נישט געווען מיט ערפאלג, כאטש ר' איז ווידע דעם אמת, אז איך פיהל זיך נישט אין קיין חטאים.

איך פיהל אבער, און ווייס, פונקט ווי עס ווייסען דאס מיינע פריינד און די פאטריאטישע פון דער סינסינעטי'ר סייט מאן אין ווייל'ס מצה אז עפעס א פארבארגענע, כאטש גוט באוואוסטע קראפט ארבייט הינטער מיר און מיהעט זיך מיט אלע קרעפטען מיר צו שטערען אויף טריט און שריט.

מען קארגט נישט קיין מיה און מען קארגט נישט קיין געלד, אבי צו אונטערגראבען דעם גוטען נאמען און די גרויסע ווערטה פון דער מצה וועלכע איך רעפרעזענטיר דא.

ווי זעשע זאגט דארטען א וועלט ווערטעל: "די קענסט דעם פובליקום נאר דן נאר איין מאל, מען האט מיך אן־אפגעפיהרט פון וועגען איך האב זיך געוואוסט פארבינדען מיט געוויסע אינסטיטוציעס, מען וועט מיך אבער נישט אראפפיהרען פון וועגען איך וועל זיך פארבינדען מיט די בעלי בתים און מיט די קרעמער.

דערום קום איך איצט ארויס צום פובליקום מיט א פולער באשטעטיגונג, אז איך האב ארונטערגענומען א גרויסען טראנספארט מיט פרישע מצה פון סינסינעטי.

וועגען דעם כשרות פון סיימאן און וויל'ס מצות האט איהר באדארפט הערען וואס הרב הגאון המפורסם הלאומי ר' יוסף מאיר לעווין האט געעדעט אין דער מנין אברהם שוהל פארלאנגען שבת, אפילו פאר מדקדקים, און אפילו פאר די וואס עסען שמורה איז סיימאן און וויל'ס מצות כשר איזוי האט דער וויידינגער רב דערקלערט.

און בנוגע דער גוטסקייט פון דער מצה פארלאז איך זיך שוין אויף די באלעבאטעס און בעלי בתים גופא.

די מצה איז די בעסטע אין מארקעט; סיימאן און וויל'ס מצה איז די כשר'סטע אין מארקעט.

סיימאן און וויל'ס מצה איז די ריינסטע אין מארקעט.

סיימאן און וויל האבען זיך נעשטעלט תמיד די מאטא: כשר, ריין און ביליג — און מיט אט דער מאטא האבען זיי געוואונען די מארקעטס און אלע אידישע צענטערען אין אמעריקא און זיכער אז זיי וועלען מיט נאטס הילף איבערציינען די דעטראיט'ער אידען, אז "סייטאיקע, א נשמה פון א מענשען אין נעל

מאן אין וויל'ס מצה איז די בעסטע, די ריינסטע, די כשר'סטע און קאסט אויך ביליגער.

דאס זאגט אייך נישט נאר איך, דער אגענט נאר אויך די 4 באוואוסטע רבנים גאונים רבי אינזעלבוך פון די בראנקס, הרב פאקס, הרב ווינער, הרב נאלאנט פון נויענגלאנד און הרב הג' רבי פאפקין.

מיט אכטונג צום דעטראיט'ער פובליקום, היימאן לעווין.

איין קארעספאנדענץ וועגען נומער 1460

א מענש טראכט און גאט — פיאדאר איז געוועזען פארזיבערט אז ווען פארזיבערט אז ער וועט זי אין לאה איין אין אדעם. לעדערבאך איז געאדעם כאטש נים ווייט פון אדעם געפינען נאר לאה איז זיין אבער געווען וויים, גאנץ ווייט פון אדעם אונטער אין אנדער הימעל, פישען א נייער לופט אויף א נייער ערד, נאך אויך מיט נייע פו־ישע צרות, נייע ליידען, נייע אומגליקען, נאך אומגליקליכער ווי פריהער!...

וואס קען נאך זיין אומגליקליכער ווען מען איז פארקויפט יעדען — ווען עס באצאהלט נאר עטליכע גילדען!... אט אין דער אומגליקליכסטער לאגע האט זיך איצט לאה געפונען די נעבאנגענע לאה.

אין א פינסטערער שטאלעל נאס פון דער גרויסער שטאדט קאנסטאנטינאפאל — אויף אזא נאס אז א גאנצע טאג זענען מארמאכט די לאדען און די גאנצע נאכט הערט מען נאך דאס קול פון דעם שיכות, דאס געשריי פון א לבב, פון דעם ראזבוינוק, דאס געדערדיי פון די אינבעריגע מענשען, וואס לעבען אומזיסט אויף דער וועלט; צווישען פארברעכערס, אפגעשליסענע פארדאר־בענע נשמות, אט אין אזא נאס, אין אזא הויז, האט זיך געפונען לאה, צו אזוינע מענשען פארקויפט זי איהר בעל הבית טעליב מאל אין מעת לעת פאר קויפען און דערנאך איז ער ווייטער געוועזען איבער איהר פאלגע בעל בית, אליין דערפאר ווייל ער האט זי איין מאל אפגעקויפט, מזומען אפגעצאהלט די אדעסער טוח־ים הונדערט טירקישע לירע, אדער 600 רוסישע רובל. —

איהר עט פרעגען: ווי אזוי קומט די עהרליכע לאה קיין קאנסטאנטינאפאל? אין אזא שרעקליך ארט?

פון אידישע לעזער ער־ווארטע איך אזא פראגע, איך ער־ווארט פון זיי נאך א פראגע: ווי הייסט, ווי לאזט זיך אן עהרליך מיידעל אזוי פארפיהרען?

צווישען אידען האט מען ליעב דן צו זיין, צו שלעכטע אזוינע אומגליקליכע, ביי אידען, ווען מען דערזעהט אזוינע פארשעלט מען איהר דאס געבוירן, זי רופט זיך מיט קיין, אנדער נאמען נים נאר "אויסגעלאסענע" "חצופה" "הולטאיקע", א נשמה פון א מענשען אין געל

ווייס שוין ביי דער אומגליקליכער נים דא, קיינער וויל זיך אויף קיין מינוט נים באטראכטען און געפינט פאר אזא אומגליקליכער כאטש א שטיקעל זכות: טאמער האבען זי פיעל אומגליקען, א סך צרות, פיין, הונגער געבראכט דערצו, אדער שלעכטע פארדאר־בענע מענשען האבען זי פארפיהרט, קיינעם קומט דאס גאר נים אויף דעם מח: ווען מען זאל זוי ארויסשלעפען א ביסעלע פון זייער טיער פער בלאטע וואלטען זיי געווארען נוצליכע עהרליכע מענשען, גלייך מיט אלע און וואלטען אויפגעהעט זיך מוטשען אויף דער וועלט, און זין א קרבן פאר יעדען שיכור, ביי אידען איז מען גע־וואונט צו רעכענען אז זי ווערט א הולטאיקע פאר גרויס פארגעניגען —

היינט אין עפעס א האוגרער וואס די אלע "וויסטע" אדער "גוטע הייזלעך" זענען פול מיט אידישע טעכטער? דאס איז דערפאר ווייל ביי אידען וויל מען נים אויסשטעקען די האנט אזוינע אומגליקליכע, זיי זאלען זיך האבען וואו אנצושפארען און ארויסקריכען פון דער בלאטע. —

דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין פאלעסטינא

דער פלאן פון העברעאישען אוניווערסיטעט אין ארץ־ישראל, וועלכער איז געצייכענט געווארען דורך קאפיטאן מירס, איז פארענדיגט געווארען דורך פראפ. געדעס, אונטער וועמענס לייטונג די אויפבויאונגס־ארבייט וועט אנגעפיהרט ווערען. דער אוניווערסיטעט וועט באשטעהן פון א לאנגע רייהע געביידעס אין אריענטאלען סטיל, איינשליסענדיג א גרויסען זאל, וועלכע וועט קענען ארייננעמען 6000 מאן. די געביידע וועט אויך אנהאלטען פיעלע זייט־פלאנקען פאר פארשיעדענע פאקולטעטען — ביבליאטעקען און לייבערעריעס.

דער זעלבער קארעספאנדענט טעלעגראפירט אויך, אז דר. וויצמאן'ס אויפהאלט אין ירושלים האט געהאט א זעהר גוטען איינפלוס אויף די בריטישע אויטאריטעטען, וועלכע האבען פיעל גוטס געטאן אויפ'ן עקאנאמישען געביעט פאר דער אידישער באפעלקערונג. דר. וויצמאן איז אויך געווען ערפאלגרייך אין געווינען די בעסטע פריינדשאפט צום ציוניזם מצד די לאקאלע אויטאריטעטען.

איוב אזוי...

נאסקע, דער דייטשער פארטיידיגונגס מיניסטער האט געלאזט ארעסטירען דעם פרינץ יאאקים, ווייל דער לעצטער האט אטאקירט עטליכע פראנצויזען.

איוב אזוי דארף מען דאך טאקע ארעסטירען ווילהעלם'ען, פאלקענהיי'ן'ען הינדענבורג'ן און די אנדערע — זיי האבען דאך אויך אטאקירט די פראנצויזען.

* * *

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Moinday March 22nd 1920 Vol. 2, No 34 מאנטאג, 22טען מארטש, 1920.

גענעראל סטרייק צוריקגערופען אין דייטשלאנד

ניובערי וועט אפעלירען אין העכערען געריכט

גראנד־ראפידס, מארטש 20. — באלד ווי ריכטער סעשאנס האט ארויסגעגעבען זיין אורטייל, האט סענאטאר ניובערי ארויסגעזאגט זיך, דאס ער וועט ניט רעזיגנירען פון סענאט, סיידען מ'וועט איהם אויפפאדערען עס צו טאן.

טרומען ניובערי און די איבעריגע 16 באשולדיגטע האבען איין אייגציגע האפנונג צו באפרייען זיך פון דער שטראף, וואס איז אויף זיי ארויפגעלעגט געווארען דורכ'ן געריכט, דיעזע האפנונג איז, אז דער סופרים קאורט פון די פאראייניגטע שטאטען זאל צוריקווייזען סעשאנ'ס פסק. אויב דאס זאל ניט געשעהן, דאן וועלען סענאטאר ניובערי, און נאך 12 אנדערע מוזען זיצען אין געפענגניש.

נאכדעם ווי ריכטער סעשאנס האט ארויסגעגעבען זיין פסק, האט ער צוריקגעוויזען א פארשלאג, וואס איז געמאכט געווארען פון דער פארטיידיגונג פאר א נייעם משפט. ער האט אבער צוגעשטימט אפצואווארטען מיט דער אויספיהרונג פון פסק אויף 90 טעג, כדי צו געבען דער פארטיידיגונג א מעגליכקייט צו אפעלירען צום סופרים קאורט.

דער־ווייל זיינען זיי אלע ארויסגעלאזט אויף 5000 באנדס.

אין דעם סטייטמענט, וואס סענאטאר ניובערי האט ארויסגעגעבען, האט ער צווישען אנדערע געזאגט פאלגענדעס:

„איך וועל געוויס ניט רעזיגנירען פון מיין פלאץ אין סענאט, סיידען איך וועל ווערען אויפגעפאדערט דאס צו טאן דורך דעם סענאט אליין, אדער ווען דער סופרים קאורט זאל באשטעטיגען די אויסטייטשונג פון'ם געזעץ, ווי דאס האט פארשטאנען דער געריכט אין גראנד ראפידס. נאכמעהר, סיידען מיינע חברים אין סענאט וועלען עס באטראכטען פאר ניט ראטזאם, האף איך פארטצוזעצען צו פארטרעטען דאס פאלק פון מישיגען, וואס האט מיך געשיקט צום סענאט פון די פאראייניגטע שטאטען".

מיסטעריעזער מארד פון שין פיינער לארד מעיאר רודערט אויף ענגלאנד

קארק, אירלאנד, מארטש 20. — דער לארד מעיאר פון קארק טאמאס מעק קורטין איז היינט פריהמארגענס דערשאסען געווארען אויף טויט. פארמאסקירטע פערזאנען האבען אויף איהם אויסגעשאסען און מ'האט נאך ביז איצט ניט געפונען קיין סליאה, ווי אזוי צו דערגעהן ווער די מערדער זענען געווען.

זיי זענען אריין אין זיין הויז, און דערנאך ווי זיי זענען דעם מארד באגאנגען, זענען זיי פארשוואונדען געווארען אין אן אויטאמאביל.

איניגע פערזאנען האבען אנגעקלאפט אין דער טיר פון דעם לארד מעיאר'ס וואוינונג. ווען מרס. מעקקורטין, דעם לארד מעיארס פרוי, האט די טיר געעפענט, האבען זיך די פארמאסקירטע מענשען אריינגעריסען אין הויז, עטליכע פערזאן האבען צוגעהאלטען די פרוי און די איבריגע זענען ארויף אין שלאף צימער פון מר. מעקקורטין, זיי האבען איהם אראפגעבראכט אונטען און איהם דערשאסען אויף טויט. מרס. מעקקורטין האט גלייך אפטעלעפאנירט נאך א דאקטאר און א גלח, ווען דער גלח איז געקומען האט דער לארד מעיאר שוין געהאלטען ביי זיינע לעצטע מינוטען.

דער מעיאר איז געווען א פראמינענטער שין פיינער און ער איז אינטערנירט געווארען גלייך נאך דעם אויפשטאנד מיט 4 יאהר צוריק.

קארק, אירלאנד, מארטש 20. — דער סענזאציאנעלער מארד פון לארד מעיאר מעקקורטין איז דערווייל נאך ניט קלאר געווארען. מ'האט זיך אבער איצט דערוואוסט, דאס לעצטען דאנערשטאג, מיט צוויי טעג פאר'ן מארד, האט ער ערהאלטען א דראהונגס בריעף, וועלכען ער האט באטראכט אלס א שפאס, דער בריעף האט באפעהלען דעם לארד מעיאר, דאס ער זאל זיך צוגרייטען צום טויט, ווייל ער איז צו דעם פאר'משפט געווארען.

ווען די פאליציי איז אנגעקומען מאכען אן אויספארשונג, האט מען זי ניט אריינגעלאזט. דעם מעיאר'ס טויטער קערפער ליגט אין זיין וואוינונג אנגעטאן אין דעם יוניפארם פון די שין־פיינער וואלונטירען. ער וועט באוואכט פון וואלונטירען. ס'ווערט ערווארטעט אן אויסערגעוועהנליכע לויה קומענדען מאנטאג.

אין צוויי שטונדען ארום, ווי דער מארד האט פאסירט, איז אנגעקומען א גרויסע מיליטערישע אפטיילונג צו דער וואוינונג פון דעם ערמארדעטען מעיאר, און אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען, אבער מ'האט קיין זאך ניט געפונען, וואס זאל דעם מיסטעריעזען מארד קלערען מאכען.

לעצטען דאנערשטאג איז געמאכט געווארען א פארזוך צו ערמארדען פראפעסאר סטאקלי, א שין־פיינער אלדערמאן.

דער סיטי האל איז געווען שבת א גאנצען טאג פארמאכט. די שין־פיין פאהן איז געווען אראפגעלאזט האלב־מאסט. אויף דער הויפט טיר איז געווען ארויסגעהאנגען פאלגענדער צעטעל:

„פארמאכט אלס רעזולטאט פון טויט פון טאמאס מעקקורטין, דעם ערשטען רעפובליקאנער לארד מעיאר פון קארק."

קארק, מארטש 20. — די אלמנה פון לארד מעיאר האט ערקלעהרט, דאס דער מארד איז געווען א ברוטאלער.

„איך האב אויפגעעפענט די טיר — האט זי געזאגט — און מ'האט מיך אפ געשטויסען אן א זייט. זיי האבען געזוכט מיין מאן. ער איז ערשיענען מיט אונזער קליין קינד אויף זיינע ארעמס, די מענשען האבען אראפגעווארפען דאס קינד פון זיינע הענט אויף דר'ערד, איהם אויסגעשאסען און געשלאגען מיט די פיקלארען. זיי האבען [illegible] געשלאגען. ווען איך בין [illegible] צוגעלאנגען צו מיין מאן, איז ער שוין געווען טויט און איבער זיין טויטען קערפער האבען געוויינט אונזערע צוויי קליינע קינדער. איך ווייס קלאהר, ווער די מערדער זענען געווען. איך קען זיי דער קענען. אפילו די דייטשען זענען ניט באשולדיגט געווארען אויף אזעלכע פארברעכענס אין בעלגיום".

Public Library [illegible]

באנק רויבעריי אין פלינט

פלינט, מיש. מארטש 21 — פיער טעקסי באנדיטען האבען זיך אריינגעריסען אין היגען בראנטש פון דער אינדאסטריעל סייווינגס באנק און בארויבט ארום $2.000.

דער בראנטש געפינט זיך יעצט אין א שניידער שאפ, ווייל דער בילדינג איז נאך ניט פארטיג. די פיער באנדיטען זענען אריין אין שניידער שאפ און כלומרשט געבעטען דעם אייגענטימער, מר. לעאן סארקין, ער זאל זיי אנגעהען א קנעפעל, ער איז אוועק אין די בעק זוכען א נאדעל, און ווען ער איז צוריק געקומען האט איינער אויף איהם אנגעציעלט א רעוואלווער, און די איבריגע האבען דער־ווייל געמאכט א האלד אפ אויפ'ן קלערק.

אויף דעטראיטער גאסען

אומבאקאנטע פרוי געטויטעט פון אן אויטאמאביל.

אן אומבאקאנטע פרוי, פון ארום 50 יאהר אלט, איז געטויטעט געווארען פון אן אויטאמאביל שבת ביינאכט אויף גרענד בולעווארד און לינוואוד עוועניוס. דער קערפער איז צוגענומען געווארען אין פראווידענס האספיטאל און שפעטער אין קאונטי מארג. וויליאם מור, דער דרייווער פון דער קאר איז ארעסטירט געווארען.

פאר $12,000 שאמפאניער גע־גנב'עט פון א קעלער

שאמפאניער אויף דעם ווערט פון $12,000 איז געגנב'עט געווארען אין דער היים פון סטענלי זוכודאווסקי, 2050 איסט איסט גרענד בולעווארד לעצטען פרייטאג ביינאכט. אזוי האט דער אייגענטימער באריכטעט צו דער פאליציי.

ווערט באגנב'עט פאהרענדיג אויפ'ן קאר

פאהרענדיג אין א צוזאמענפאקטער קראסטאון קאר לעצטען שבת ביינאכט, האט א גנב זיך צוגערוקט צו די קעשענעס פון א פאסאזשיר מיט'ן נאמען רעיפיטאן און ביי איהם ארויסגעלקחענט די סומע פון $180.

א „האלד אפ" אין א גאראדזש

האראלד ע. וועסטען, פון 2520 וועסט גרענד בולעווארד איז לעצטען שבת אוונט צוגעפאהרען מיט זיין אויטאמאביל צו א ריפעירינג גאראדזש און הינטער איהם איז נאכגעפאהרען אן אויטאמאביל.

ווען ער איז אריינגעפאהרען אין גאראדזש, האבען די „פאסאזשירען" פון צווייטען אויטאמאביל אנגעציעלט געגען איהם א רעוואלווער און איהם בארויבט פון $113.

באגנב'עט א סטאר א קארגען בלאק פון פאלים־סטיישאן

די פאליציי פון היילאנד פארק, פארשט איצט אויס א גנבה, וואס איז געמאכט געווארען לעצטען מיטוואך ביינאכט, ביי איהר נאז. די דזשענטס פוירנישינג סטאר, וואס געפינט זיך אין 2998 וואודוואָרד עוו., איז אין גאנצען א קארגען בלאק פון פאלים־סטיישאן. [illegible] עסטוועגען האט עס ניט געהאלפען. [illegible] גנבים ארויסצולקח'ענען פון דאנען סחורה אויף דעם ווערט פון $40.000

רויבערייען ביי דער שיין פון דער זון.

שבת אין דער פריה האבען באנדיטען זיך אריינגעריסען אין א סטאר, אויף 68 גרעשיאט עוו., און באַרויבט סחורה אויף דעם ווערט פון $2.000. אין דער זעלבער צייט האבען באנדיטען (מסתמה די זעלביגע) זיך אריינגעריסען אין א קלאָרינג סטאר, אויף 7 בראדוויי סטריט און ארויסגעשלעפט סוטס אויף דעם ווערט פון $500.

גנב פון ווערטבארען דיא־מאנט־רינג ארעסטירט

סארזשענט דעטעקטיוו א. דוש. בעננעט, האט נאך אלאנגען נעיעג, זיך באנוצענדיג מיט עטליכע קאמופלאזשיסעריען פון זיין רעוואלווער, געכאפט דעם מאן, וואס האט ארויסגעגנב'עט דעם $3.000 דיאמאנט־רינג ביי א געוויסער מיס פראנסעס ב. וואלען, אין האטעל טולער.

דער ארעסטירטער, וועלכער איז שעהן געקליידט, האט אנגעגעבען זיין נאמען אלס יוהושין קאלאהאן, 26 יאהר אלט. אין זיינע קעשענס האט ער [illegible] האט די סומע פון $400

בערלין, מארטש 20. — די סטרייק פיהרער האבען היינט ביינאכט צוריקגערופען דעם סטרייק. דיעזער באשלוס איז אנגענומען געווארען נאך א רייהע פון קאנפערענצען צווישען די ארבייטער און דער רעגירונג. די ארבייטער פיהרער זענען געשטאנען פעסט אויף זייערע פאדערונגען און זיי האבען ניט געוואלט באפעהלען די ארבייטער אומצוקעהרען זיך צו דער ארבייט, סיידען די רעגירונג וועט זיי נאכגעבען. די רעגירונג האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט און געמוזט איינשטימען.

ווי מ'גיט איבער זענען די פאדערונגען געווען:

דאס פארמירען פון א נייעם קאבינעט מיט א שטארקער ארבייטער פארטרעטערשאפט.

די רעזיגנאציע פון נוסקע'ס פארטיידיגונגס מיניסטער.

נייע געזעצע, וועלכע זאלען געבען די ארבייטער א גרייסע האנט אין דער רעגירונגס פיהרונג.

מ'גלייבט אבער, דאס די פיהרער וועט זיין זעהר שווער צו קאנטראלירען דעם סטרייק, וועלכער, ווי ס'זעהט אויס געפינט זיך שוין ניט אין גאנצען אין זייערע הענט.

די לאגע אין דייטשלאנד בנוגע די קאמוניסטען אויפשטאנדען איז די זעלבע.

פאן קאפ איז ארעסטירט און פאן לוטוויטש באגאנגען זעלבסט מארד

לאנדאן, מארטש 20. — א טעלעגראמע פון קאפענהאגען מעלדעט דאס דר. וואלפגאנג קאפ, דער פיהרער פון דער מאנארכיסטישער איבערקערעניש איז ארעסטירט געווארען אין לייפציג, און אז גענעראל פאן לוטוויטש איז באגאנגען זעלבסטמארד.

ירושלים וועט געהערען צו ארץ ישראל.

לאנדאן, — אויף א פראגע וועגען פאלעסטינא, וואס איז געשטעלט געווארען צו די ענגלישע רעגירונג אין די האוז אוו קאמאנס דורך קוירנעל גיומאן, האט דער האמער גרינוואוד דער אונטער־מיניסטער דער אויסערן געענטפערט אז פאלעסטינא, דארונטער אויך ירושלים, געהט ניט אריין אין די א־אבישע מלוכה, וועלכע האלט יעצט אין געגרינדעט ווערען.

פעיזאל'ס ערשטע מפלה

לאנדאן, — ענגלאנד און פראנקרייך האבען זיך ענטזאגט צו אנערקענען פרינץ פעיזאל אלס קעניג פון סיריען. ביידע רעגירונגען האבען איהם געלאזט וויסען, דאס דער בעשלוס פון דעם קאנגרעס אין דמשק, וועלכער האט דעם פרינץ פעיזאל ערקלעהרט אלס קעניג האט קיין שום ווערטה און אויב פעיזאל האט עפעס קריוודעס צו ענגלאנד און פראנקרייך, זאל ער קומען נאך אייראפא און זיי פארברייגנגען.

דיעזע ערקלעהרונג קומט דירעקט פון פרעמיער לאיד דזשארדזש, אלס ענטפער אויף א פראגע וועלכע מען האט איהם געשטעלט אין די „האוז אוו קאמאנס."

אין דעטראיטער קאורטס

פרוי באשטראפט מיט $1000 פאר שמוגלען שנאפס

ליליען היינס איז לעצטען שבת פון ריכטער טאטעל, באשטראפט געווארען מיט $1000, פאר איינשמוגלען שנאפס אין מישיגען סטייט.

איהר מאן, פרענק היינס איז אין אויגוסט 1919 אויך באשטראפט געווארען מיט $1,000 פאר'ן זעלבען פארברעכען.

ריכטער ראט שווינדלערישע רים צו פארלאזען דאס לאנד

„ווען די וועסט אפזיצען דיין דריי יאהריגען טערמין אין לייווענוואָרט, פאק זיך איין און פאהר צוריק פון וואנען די ביסט געקומען. אמעריקא דארף ניט אזעלכע ווי די ביסט".

אט אזוי האט דזשאדזש טאטער פריי טאג געזאגט צו פיטער סיטש, וועלכע איז געפונען געווארען שולדיג אין איבערשווינדלען נעגערדורך פאלשע אדווערטייזמענטס און פארמישפט געווארען אויף דריי יאהר געפענגניש.

געשווינדעלט האט דער פאר'משפט'ער רים אויף אזא אופן:

ער פלעגט אדווערטייזען אין היגע נעגערישע צייטונגען, אז ער האט גוטע דזשאבס פאר ארבייטער אין אן אויטאמאביל פאבריק, און דערווייל פלעגט ער זאמלען 5 דאלארדיגע פון זיינע לאנדסלייט אלס בלמרשטדיגע „סעקיוריטי", אז ער מעג מיט זיי זיין זיכער. ער האט אזוי באשווינדעלט הונדערטער נארישע נעגערס.

מאן וואס האט געשאסען אויף זיין פרוי, קריגט פון 10 ביז 25 יאהר

אוירל ר. מיטס, איז לעצטען שבת געפונען געווארען שולדיג אין מאכען א פארזוך צו טויטען זיין פרוי, און איז פארמישפט געווארען פון 10 ביז 25 יאהר אין סטייט מישיגאן פריזאן.

מיטס האט געשאסען אויף זיין פרוי, ווען זי איז געווען אנגעבויגען איבער א וואשמאשין און די קויל איז אריבערגעפלויגען איבער איהר. געטאן האט ער עס, ווייל זי האט איהם געקלאגט אויף א גט.

באריהמטער „האלדאפניק" קריגט 5 יאהר פריזאן

דזשא־קושנא, איינער פון דער גענג וואס האט בארויבט א באנק אין ניו־באסטאן, איז לעצטען שבת פאר־משפט געווארען אויף 5 יאהר געפענגניש

„איך גלויב — האט דזשאדזש קאר געזאגט, ארויסגעבענדיג זיין אורטייל — אז איך וואלט דיך געקענט פארמשפט'ן אויף 10 יאהר, ווייל דיין רעקארד איז א שלעכטער, אבער צוליב דיין פרוי און קינד, וועל איך זיין צו דיר אביסעל מילדער".

אין דער צייט, ווען דער אורטייל איז ארויסגעגעבען געווארען איז מרס. קושנא געזעסען אין קאורט, מיט א 5 מאנאטדיגע בייבי אויף דער האנט.

אידען מלא שמחה מיט קאפ'ס מפלה

קאפענהאגען, — דער דורכפאל פון די דייטשע קאנטערעוואלוציע וואס איז אנגעפיהרט געווארען פון דר. קאפ האט ארויסגערופען גרויס פרייד צווישען אלע קלאסען אידען פון דייטשלאנד, ווייל די רעוואלוציע איז געווען געמאכט פון שווארצע און אפענע רעאקציאנערען און אנטיסעמיטען. אין די פאר טעג וואס דר. קאפ האט געמיינט אז ער האט די ממשלה אין האנד, האט ער ארויסגעלאזען איינעגע ארדערס געגען די אידען און האט נערופען די קריסטליכע בעפעלקערונג צו פאגראמען אויף די אידען. ער האט באזאנדערס צווישען די סאלדאטען געטריבען אן אגיטאציע געגען די אידען. זיין לעצטער ארדער איז געווען צו קאנפיסקירען די פערמעגענס פון אידען. זאגאר יעצט זיינען נאך די אידען אין שרעק פון פאגראמען אלס א רעזולטאט פון דר. קאפ'ס הצעס.

"די. יו. אר. אדער די שטאט" זאגט קאוזענס

מעיאר קאוזענס האט שבת אוונט ארויסגעגעבען א לענגליכען סטייטמענט וועגען דעם סכסוך, וואס האט זיך ענטוויקעלט צווישען דער שטאט און דער קאר. קא. די. יו. אר.

דער מעיאר איז זיכער, דאס די דעטראיטער באפעלקערונג איז פאראייניגט געגען דער קאר קא. און אז דער הויפט שטרייט איז די שטאט דעטראיט אדער די די. יו. אר.

רעדענדיג וועגען דעם, וואס די קאר קא. פארקלאגט איצט די שטאט פאר ניט ווערען איבערגעגעבען צום שטימען איהרען א פארשלאג, זאגט קאוזענס, דאס די שטאט איז גערעכט, ווייל דאס געזעץ, ווי עס ווערט פארשטאנען פון שטאט לאיער, ערלויבט איצט ניט אנצונעהמען ריעזען פארשלאג.

דערביי באמערקט דער מעיאר, דאס די פעטיציע, וועלכע ווערט איצט פארשפרייט אין דעטראיט, אז דער פארשלאג פון דער קאר קא. זאל יע ווערען איבערגעגעבען צום שטימען, ווערט זי פארשפרייט דורך די אנגעשטעלטע פון דער קאר קא. ניט קוקענדיג, וואס די צאהל אנגעשטעלטע בכלל איז זעהר א קליינע.

קאוזענס באשולדיגט די קאר קא., דאס זי האט שוין ביז איצט אויסגעגעבען א פערטעל מיליאן דאל. פאר פראפאגאנדע געגען דעם אנגענומענעם פלאן פון שטאטישע קארס. דער קאמפיין וואס ווערט איצט אנגעפיהרט אין דעם נאמען פון דער „סיטיזענס קאמיטע" מוז, לויט קאוזענס סטייטמענט, אפקאסטען דער קאר קא. ניט ווייניגער פון 100 טויזענט דאל. און קאוזענס באמערקט דערביי, דאס די מיטגליעדער פון דיעזער קאמיטע ווייסען ניט ווער זייער טשערמאן איז, און אז איינעגע פון זיי האבען זיך מודה געווען, דאס זיי זענען קיין מאל אויף א פארזאמלונג ניט געווען.

דער מעיאר ווייזט אן ווייטער, דאס איינעגע פון דער „סיטיזענס קאמיטע" געפינען זיך גאר אין פלארידא און זייער ווייסען גארניט, דאס זייער נאמען געפינט זיך צווישען די „57".

„דער שטרייט־פונקט — לעזט זיך אין סטייטמענט — איז זעהר קלאהר. דאס איז די די. יו. אר. אדער די שטאט, ס'איז אומבאגרייפליך פאר וואס די קאר קא. פיהרט אן אזא פארצווייפעלטען און קאסטבארען קאמף, אויב עס איז ריכטיג, ווי זי באריהמט זיך, דאס דער שטאט פלאן וועט האבען א מיאוסען דורכפאל דעם קומענדען ליטען אפריל?"

מעיאר קאוזענס האט פרייטאג גערעדט אין פוילישען דיסטריקט און ער האט פארזיכערט, דאס די קאר קא. וועט מוזען איינוויליגען אנצונעהמען די „טראנספערס", וואס די שטאטישע קארליינס וועלען געבען.

די זעלבע מיינונג האט אויך ארויסגעזאגט לעצטען שבת הנשיאים מעק נאמארע, א באוואוסטער לאיער אין דעטראיט. ער באווייזט דאס לויט'ן פסק פון דער סטייט ריילראוד קאמישאן קען מען נויטען די קאר קא., דאס זי זאל אנגעהמען די שטאטישע „טראנספערס". „די יו. אר. איז ניט די באלעבאסטע פון די דעטראיטער גאסען — האט מעק נאמארע געזאגט — כאטש זי רעכנט, דאס צו איהר באלאנגט דעטראיט".

אנדערש פארשטעהן די לאגע די, וואס האלטען מיט דער די. יו. אר. זיי זאגען, דאס אפילו, ווען מ'וועט ענדליך די קאר קא. נויטען אנצונעהמען שטאטישע „טראנספערס", וועט עס אבער זעהר לאנג געדויערן, ווייל די קא. געווים פארפיהרען א לענגלען פראצעס.

סאוועטען רעגירונג פאנגט אן אן אפענסיוו געגען פינלאנד

וואשינגטאן, מארטש 20. — לויט אפיציעלע באריכטען, וואס די היגע פינלאנדישע לעגאציע האט ערהאלטען, האבען די באלשעוויקעס אנגעפאנגען אן אפענסיווע געגען פינלאנד. דער אנגריף האט זיך אנגעפאנגען פון דער מורמאנסקער אייזענבאהן ליניע.

די באריכטען גיבען איבער, דאס די באלשעוויקעס האבען אנגעקליבען גרויסע ארמייען לעבען העריאפלא און קאריאקאנטו.

דער פראנט פון דער אטאקע ציהט זיך פון [illegible] לאדאגא אזערע ביז דעם צפון־ים, א פראנט פון געגען 1,500 מייל.

יעקאטערינאדאר פארנומען פון די באלשעוויקעס.

קאנסטאנטינאפאל, מארטש 20. — דעפעשען פון נאוואראסייסק מעלדען, דאס די שטאט יעקאטערינאדאר איז געפאלען.

יעקאטערינאדאר געפינט זיך ארום 60 מייל אין קאוקאז, פון נאוואראסייסק אויפ'ן ברעג פון שווארצען ים.

די דעפעשען זאגען ניט קלאהר, דאס די רויטע ארמיי האט די שטאט פארנומען, אבער אזוי ווי די באלשעוויקעס האבען זיך געפונען זעהר נאהנט צו יעקאטערינאדאר, גלייבט מען, דאס זי איז פארנומען געווארען פון די סאוויעטען טרופען.

יאצקאן קומט ארגאניזירען רעליעף ארבייט.

לאנדאן, — ה' יאבקאן, רעדאקטאר פון „היינט" פון ווארשא, וועלכער פארט אפ פון דאנען נאך ניויארק דעם 27טען מערץ אויף דעם דאמפער „פילאדעלפיא" האט געזאגט פאלגענדעס וועגען די רעליעף ארבייט.

„איך פאהר נאך אמעריקא אנצופאנגען א גרויסע פראפאגאנדא פאר רעארגאניזירען די אידישע רעליעף ארבייט פאר זייערע ברידער אין פוילען און צו שאפען א געהעריגע ארגאניזאציאן פאר איבערשיקען געלד פון אמעריקא צו קרובים אין פוילען. איך וועל אראנזשירען מאסענפערזאמלונגען אין אלע וויכטיגע אידישע צענטערן פון אמעריקא און וועל זיי אויסזאגען דעם ביטערן אמת.

„באלדיגע שריטע מוזען גענומען ווערען צו העלפען די פוילישע אידען פון עקאנאמישע רואינירונג. עס איז דער גרעסטער פערברעכען און סקאנדאל אין דער אידישער היסטארי אז די מיליאנען וואס אמעריקאנער אידען שיקען אזוי גערן צו זייערע קרובים זאלען פערבלייבען אין די הענד פון פערשיעדענע וואמנירען, וועלכע שעהמען זיך ניט צו פראפיטירען פון די טרערען און בלוט פון די אונגליקליכע מלחמה־קרבנות.

ווע די מיליאנען זאלען קענען גרייכען אין גאנצען צו די יעניגע פאר וועמען זיי זיינען בעשטימט, וואלט געווען אבסאלוט אומנויטיג צו געבען צדקה צו די פוילישע אידען.

„איך וויל זאגען די אידען אין אמעריקא אז זיי זאלען עפענען זייערע אייגען און רעארגאניזירען זייער רעליעף ארבייט; זיי זאלען שיקען געלד אויף אן ארגאניזירטען אופן; עפענען א קרעדיט באנק וואס זאל אנפאנגען די ווידערויפבויאונג פון דער עקאנאמישער לאגע פון זייערע ברידער און זיך ניט פערלאזען אויף צדקה אליין".

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

מען דארף גוט קענען די שטאדט אדעס מיט איהרע אלע פרומע מוטערס, שדכנ'טעס, מעקלערינס און די לייט פון לעדערבארג'ס קאמפאניע, אס במעט גאנץ איז פול מיט זיי דענסטמאל איז צו פארשטעהן וו' גרינג יעדעס מיידעלגיט זיך איבער אליין און זייערע הענט, ובפרט נאך אזא אומגליקליך עלענד מיידעל ווי לאה וואס איז געקומען האט ערשטע מאל אין א פרעמדער גרויסער שטאדט זיך פארדינען עהרליך ברויט פאר זיך און פאר איהר קינד —

מיט איין ווארט לאה האט זיך אליין [illegible] ... עקספעדירט קיין [illegible] אין טעקיי.

מיט וואס פאר ... [illegible] די אומגליקליכע איז שוין באקאנט פון דעם אנפאנג ע-צעהלונג. און פון די פיעל פראגעסען אונטערן נאמען „פ'אדאושנא זשיזן" וואס איז פארגעקומען אין אדעס און אין אנדערע שטעדט: פאר דער אומגליקליכער האבען זיך געוועזען ... [illegible] רחמנות געהאט אויף איהר און נערעדט איהר א גליקליכען שידוך פון קערוויטענס, א חתן מיט א סך ... [illegible] ... [illegible]

[illegible]

50 ליע ריין פאר דיענסט, קען איך אייך שיקען פאר דעם נומער צווי נייע נומערען פיעל שעהנע און מעהר אנטיקען מיט איין ווארט איך וועל באשטעהן אויף וועלכע אוסלאוויעס איהר ווילט, נאר איהר זאלט מיר ווי צום שנעלסטען צוריק פארקויפען דעם נומער 1470. ביי אייך איז אלץ איינס און כיר איז דער נומער זעהר נייטיג. איך ווארט ניט אויף תשובה. בלייבט געזונד און גאט זאל אייך באשערען גוטע געשעפטען ווי עס ווינשט אייך אייער בעסטער פריינד

לעאן באריסאוויטש לעדערבאך".

„אדעסא, דען 18

מיט דער ערשטער פאסט, האט לעדערבארג באקומען תשובה:

„פיעל געעהרטער פריינד לעאן באריסאוויטש!

פון אונזער אלט באקאנטשאפט, פון אונזערע געשעפטען וואס מיר פיהרען שוין עטליכע יאהר צוזאמען, ווייסט איהר גאנץ גוט, אז איך האנדעל מיט אייך שטענדיג עהרליך, גאט איז מיין עדות אז איך בין נאך קיין מאל ון אייער ווערטער ניט אוועק געגאנגען, ובפרט נאך אייך אפזאגען פון אזא קליינינקייט, ווען איהר לענט מיר נאך פאר 50 טירקישע לירען, ריין פארדיענסט. איך פאר־זיכער אייך אז איך וואלט ניט געוואלט קיין שום פארדיענסט. איך וואלט נאך אנגעווארען 50 לירע אבי אייך א טובה טאן. נאר צו מיין אומגליק האט מען דעם נומער 1470 ביי מיר אוועקגענב'עט. אדער ער איז אליין אנטלאפען. עס האט מיר נאך געקאסט פיעל געלד זוכען זי, און זי איז ווי אין וואסער א־יין. איך הויב נאר ניט אן צו פארשטעהן ווי אזוי ביי מיר קען זיך אזוינס טרעפען. איהר קענט אייער פארשטעהן מיין ביטערע לאגע אז אין אזא שלעכטער צייט זאל איך נאך אנווערען מזומן 100 לירע. איך רעכען שוין ניט וויפיעל איך וואלט געקענט אן איהר פארדינען. איך האב פיעל בריעף ווענען איהר באקומען מיט א סך פארדינסט נאר מען האט ניט קיין מזל העלפט ניט אין; גאט זאל נאר אויף מיר מרחם זיין, [illegible]

[illegible]

אין די זאכען איז לעדערבאך געוועזען איין עהרליכער מאן ווי באלד אז ער האט פאר יענעם נאר ניט געטאן, פלעגט ער דעם אדרויף אפגעבען, נאר אפרעכענען די הוצאות וואס עס האט איהם נעקאסט, דער־פאר אבער ווען ער פלעגט פאר יענעם נאר עפעס טאן, איז יענער ביי איהם געווארען א גוטע כעלקענדיגע קוה או [ער] האט געזולכען ווי א בייזע שלאנג אהן שום רחמנות אהן א' ביסעל געוויסען, דארום טאקע האט

דאס רוה געזעץ אין אמעריקא

פון וואשינגטאן איז מען מודיע אז דער שבת רוה געזעץ וואס איז דורכגעפאלען אין דער לעצטער זיצונג פון סענאט מיט איין שטימע. נאכדעם ווי דאס געזעץ איז שוין דורכגעגאנגען די אסעמבלי, איז נעכטען (דעם 12טען יאנואר) ווידער פארגעשלאגען. געווארען פון סענאטאר פאלע ריקסטיין; דאס געזעץ שלאגט פאר אז אלע די, וואס היטען אפ שבת צוליעב דען די נאטעס דיענסט פון די פאר־שטעהר פון אנדערע רעליגיאנען, דער פערבאנד פון ארטאדאקסישע אידען און אמעריקא האט פון איהר זיצונג אין בקידושפארט קאנ., געשיקט א טעלעגראמע צו ה" דיקסטיין אין וועלכער ער [illegible]

[illegible]

עגרע פון צוזייטע טייל.

אויסקינפטע פריי

זעהר נעדען געגעבען איבער פאלגענדע ענינים: פאספארטען, ווי צו שיקען געלד אין איראפא, ווי אזוי אריבערצובריגנען אייערע פאמיליעס, וועגען די רעכט פון לענדלארד און טענענטס, וועגען לאנד קאנטראקטען, מארגעדזשעס, טעקסעס, און אזוי ווייטער.

ווי צו ווערען א בירגער

יואו און וויאזוי צו לערנען ענגליש, סאלדאטען פענסיע, ליבערטי באנדס באנוסעס, אינשורענס און נאטוראליזיישאן.

The Free Information Bureau
Detroit Board of Commerce

קארנער וועין און לאפאיעט (2טער פלאר); שטונדען: 8:30 ביז 5:30

לענדלארדס אויפמעקזאם!

פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, ליסען, אדער רענטע פאר ווייסע און ניגארס

הערים און לואיס

481 אנטוויין סטריט

טעל טשערי 8054

קאפלאנ'ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאר נענקע ליינס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קוירטענס; טייבעל קאווערס; שעמס און קארפס. קאמפליט ליין אין לידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בויי'ס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.




ווילט איהר סיזווען 30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראנס, בערינגם פאנאגראפס און לעמפס

— דאן קומט צו די —

Standard Furniture
and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

האלס

צו פארענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט

— 204 הענקאק איסט —

פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטעראַרישע אווענטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות.

ביליגע פרייזען.

פערגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.

מ. שטארק.

דער בעסטער מוהל און שטאט און מסדר קידושין

חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט

טעלעפאן, מעין 4420

שעכטער'ס
דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.

טעלעפאן, טשערי 5763

פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח

סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קוירטענס, פענסי דריינודס.

מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע

Philadelphia Dress and
Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע
קלעסער, שליסלען קארפענטער וענען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. ראמניטץ
245 מאנטקאלססט.

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס, רעדזשיסטערס, נייע און געיוזטע. פרייזען מעסיגע, ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.

רעלייבל סטאר פיקטשור קא.

306 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עם.

ל. ה. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוסלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהייט.
7/5 קעמעראו עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען־פיקטשור אפרייטארס

לערענט זיך פאר

לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג: 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן

בעסטע אונגארישע מאכלים;

דזשיי סיגעל און בארשי

איינגענטהימער

237 הייסטינגס סט.

TELEPHONE CANAL 199

VIENNA SAUSAGE MFG. Co.
Manufacturers of the
CELEBRATED VIENNA PURE
Hygeia Beef Sausages
SMOKED & PICKLED BEEF
TONGUES, ETC.
U. S. INSPECTION ESTABLISHMENT
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאמס
בראדווי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!

— די —

סטענדערד בארעל קא.

האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158

מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באעלס.

דוד האפמאן, מענעדזשער

שיקט אריין נאר
2 דאלאר

וועט איהר באקומען א האלב־יאהר צייט איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסטער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.

דאס „פאלקסבלאט";

א דעמאקראטישער ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.

דייכ'ן „פאלקסבלאט", וועלכעס האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוילען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.

דורכ'ן „פאלקסבלאט" קאנט איהר אויך בעקומען גריסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.

דאס „פאלקסבלאט" וועט אייך אויך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.

דורכ'ן „פאלקסבלאט" קאנט איהר פערקויפען געשעפטליכע בעציהונגען מיט מזרח־אייראפא.

דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך דאס „פאלקסבלאט". אדרעס:

Lodz, Petrokowska 37, Poland

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 מערקורי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

ד"ר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט

דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. געמאכט נאר פון ריינער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דוראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CIGAR MFG. CO

געמאכט אין דעטראיט.

אָקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און בויס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעסיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס פורנישינגס, נאוי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

CLASSIFIED

סטאר און פיקטשורס צו פארקויפען אין קאונטרי מיט 15 הונדערט דאלאר אין בעסטען לאקיישאן, קען קריגען א ליס 125 דאלאר א חודש, רענט זיכער צו מאכע געלט. פרעגען י. ל. מאלאמוט אין „ווענ'" אדער באקס נומער 125 (אוגוסט ברארער־ס) 26)

כשרה הויזקיפער פארלאנגט. אין א פיינע אידישע הויז אין פאר־ט הוראן. מוז קאנען גוט קאכען און אויך אויפפאסען די הויז. גוטע היים און גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאן. רייזע קאסטען אומגעקעהרט אויב ניט צופרידענשטעלענד. נאכפרעגען: ווק. לאנדאן, 75 פארנסווארטה. — טעל. נארטהוויי 1675.ר אדער בען לאנדאן, 620 בראש סט. מעל־ראוז דזשיי 1310 (26

צופארקויפען. א הויז אויף 55 טשו־טש סט. מט. קלעמענס מישיגאן. 10 רומס אלע מאדערנע אימפרואוומענטס, פרייז $8,000 איינצאהלען $3,500 פרעגען: ג. זובמאן 204 רושאוזע קעמפאו.

צו פארקויפען. א גוט עסטאבלירטע קריסטליכע בוטשער שאפ אויף 703 הייטינגס, נעבען אידענים, אורזאכע פארטנערס שטימען ניט. (26

צו פארקויפען א 7 רום הויז; מאדערן צו דער מינוט, אויף קאמעראן, נעבען האלבראק, איינצאהלען $2500 טעלעפאן נארטוועי 4967־עם.

פארלאנגט צו קויפען א געניצטען קעש רעדזשיסטער. לאזט וויסען אין 1044 בוביען סטרוט. אין דריי גודס סטאר.

עקספיריענסד סיילסמאן אין דריי גודס און פעדלערס סופלאי, זוכט א פאזישאן. גוטע רעפערענס. פרעגען: מר. מעסער, 191 דיוויזשאן סטריט. טעל. קאדילאק 4114־עם (22

צום פארקויפען

מיט $4,000 קענט איהר קויפען זעהר א גוט עסטאבלירטע קענדי פעקטארי. ברייגנט $300 א וואך. אייער געלט און אייער צוקונפט וועט זיין געזיכערט. נאכפרעגען באקס 15, אין אפיס פון „ווענ" (22

פארלאנגט א בעל קריאה, זיך מעלדען אין בני יעקב שוהל, 152 אילינאיז סטריט (22

שומרי שבת, שניידערס, וועלכע היטען שבת, גוטע וויידזשעס 5 טעג א וואך ארבייט, פרעגען: א. מעסערמאן, 100 איסט קאנגרעס. (21

עקסטרא סיילעסלייט פארלאנגט. פרויען אדער מענער, צו ארבייטען שבת און אונגעטען, מוזען רעדען פויליש, אויך איין סיילעסמאן פאר א שטענדיגען פאזישאן, גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאנען. פרעגען: ס. שווארץ 1421 שעין סטריט (22

די ארטהענד לאונדרי

728 הייסטינגס סטריט

צו אייך, סינגעל לייטע!

אויב איהר ווילט האבען אז אייער לאונדרי זאל זיין געסייפט און ריכטיג געמאכט קומט צו אייער גוט באקאנטען פריינד יוסף מיקאפסקי וועלכער פאסט אויף, אז אלעס זאל ווערען געפיקסט פינקטליך 729 הייסטינגס סט.

טעלעפאן, מעלראוז 5670 אר

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.

נעהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
Frosh O.D.

אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגנאיבער עהרליך"ס דזשועלערי סטאר.

וואָרע ביליג פאר סטאר־קיפערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353־355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

OUELLETTE GARDENS



קומט היינט!

אייער געלעגענהייט איז היינט צו לעגען דעם פונדאמענט פאר א געזיכערטער צוקונפט דורך אן אינוועסטמענט אין ריעל עסטייט

1,000 לאטס

אין דעם בעסטען געגענד פון דער גרענעץ-שטאדט, וואס איז אויסשליסליך א רעזידענץ שטאדט.

אפען פאר ביזנעס
אן אפגעשפארטער דאלאר

אינוועסטעד אין אולעט גארדען לאטס וועט אייך ברענגען גרויסען פראפיט

$4,000
א פראנט פוס !

דאס מען געצאהלט פאר אולעט עווענו פראנטאוש. מיר אפערען אייך יעצט לאטס אויף אולעט עווענו, צו 20 דאלאר פוס. 1 דאלאר איינצאהלען און 3 דאלאר א וואך.

$1.00 DOWN
$3.00 WEEKLY

NO TAXES
NO INTEREST

די פאלגענדע אינדוסטריען האבען בארימט געמאכט דעטראיט און איצט פארזיכערען זיי די צוקונפט פון ווינדזאר

וואס האט בארימט געמאכט דעטראיט

פארד מאטאר קאמפאני
סטודעבייקער
דזשענעראל מאטארס און ענגליכע קארפארייזשאן

ווינדזאר האט אויך

א פארד מאטאר קאמפאני
דזשענעראל מאטאר קאמפאני
סטודעבייקער
א מיליאן דאלאר האטעל
לעא טעאטריקאל קאמפאני בויעט א האלבען מיליאן טעאטער
עלען טעאטריקאל קאמפאני בויט א פערטעל מיליאן טעאטער.
דאס ווייזט אייך וואס ווינדזאר ערווארטעט אין דער צוקונפט.

זעהר וויכטיג!

ווען איהר קויפט א לאט איז ער שוין פארזיכערט, גלייך נאכדעם ווי איהר צאהלט איין הונדערט דאלאר, און ווען דער קויפער שטארבט, דארף מען מעהר ניט צאהלען און מען קריגט א פרייען דיד.

קויפט היינט

אן אולעט גארדען לאט און דאס וועט אייך ארויסארבייטען מיט דער צייט. די לאטס וועלען פארקויפט ווערען זעהר שנעל. אלזא האנדעלט שנעל! אויב איהר קענט היינט ניט קו מען אין אונזער אפיס פילט אויס דיעזען ארדער און שיקט דאס אריין גלייך

THE WHITLEY CO.
484 HASTINGS ST., DETROIT, MICH.

Please select for me the best unsold lots left in your offering and send a marked map showing its location. I hereby enclose $1.00 as first payment on the above, with the understanding that you are personally to make the selection for me. It is also understood that if I am not entirely satisfied with my purchase when I visit your property and inspect same, which must be within 30 days from this date, you will upon date of inspection immediately exchange my lot or lots for any unsold lot or lots I may choose and the said choice or acceptance is to be made on the date of inspection.

Dated March 16, 1920.

Name..

Address..



THE WHITLEY CO.

Main Office 33 State St. 484 Hastings St. Detroit, Mich

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

מאנטאג דעם 22טען מארטש, 1920

ווער דארף בויען דעם אידישען האספיטאל

עס ווילען זיך דערמאהנען די לעזער, אז דער פרעזידענט פון דער היברו האספיטאל אססאסיאיישאן האט אונז אפגעענטפערט אויף א לייט ארטיקעל, אין וועלכען מיר האבען אויפגעפאדערט די אססאסיאיישאן באלד זיך נעהמען צו דער בויאונג פון דעם שפיטאל, און וועלכען מיר גוי־טיגען זיך.

דער דערמאהנטער פרעזידענט האט אונז מיט זיין בריעף איבערצייגט אז אן דעם וואס ביז איצט איז גארנישט געטאן געווארען, קען מען די מתעסקים נישט באשולדיגען: די צייט איז נישט גינסטיג געווען; מלחמה יאהרען, שוועריגקייטען, אינדיפירענטע באציהונג מצד די היגע אידען ובדומה אזעלכע אורזאכען האט דער געעהרטער פרעזידענט פון דער אססאסיאיישאן אנגעגעבען אין זיין בריעף.

מיר האבען קיין ברעקעל רעכט נישט אפילו איין רגע צו צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון די אנגעגעבענע אורזאכען, וועלכע לעגען זיך גאנץ לאגיש אוים על פי אמת.

מיר האבען זיך אבער נישט באגנוגענט מיט די אנגעגעבענע תירוצים פון דעם פרעזידענט. מיר האבען אויך אליין געמאכט א חקירה ודרישה און — מיר געבען אפען צו, אז — חוץ דעם וואס מיר אליין האבען זיך דערוואוסט, זיינען געקומען נאכדעם מענער און פרויען אויך אין רעדאקציע און האבען אונז מוסיף געווען א סך אנדערע אורזאכען וואס דער שפיטאל קען קיין סך נישט פראגרעס'ירען און ווארום ער נעהמט דערווייל נישט וויטער פון זיין פאפירענער עקזיסטענץ.

און אט דיזע מענשען האבען אונז געצוואונגען ביז איצט אויף דעם אפענעם בריעף צום שרייבער פון דיזען ארטיקעל אפצושווייגען.

ווארים די זייטיגע מענשען וואס האבען מיט אונז גערעדט האבען אונז צו פארשטעהן געגעבען, אז כל זמן דער שפיטאל, אדער בעסער גע־זאגט: די באוועגונג פאר'ן כשר'ן שפיטאל וועט אויסשטעהן ביי די איצ־טיגע מתעסקים, קען מען נישט האפען אויף גרויסע ערפאלג.

ברוטאל אפען זאגען מיר עס דא.

נישט קוקענדיג דערויף וואס דאס איז א שטאטישער ענין פון גרוים וויכטיגקייט, פונדעסטוועגען וואלטען מיר באדארפט זיין חשענטלמאניש גענוג נישט ארויסצוזאגען דאס אזוי אפען; מיר וואלטען אפגעהיט די עטי־קעטע און וואלטען עס אפשר איגנאנצען פארשוויגען, ווארים נאכאלעמען איז דאך דאס קיין כבוד נישט פאר די מענשען וואס שטעהן איצטער ביים רודער פון דער באוועגונג און ארבייטען אזוי טריי און אונערמידליך!

איז אבער דער אמת, אז וואס ביי די זייטיגע מענשען איז פארדעכענט פאר א חסרון, איז ביי אונז א מעלה. דאס איינציגע וואס האט אונז אפגעהאלטען ארויסצוקומען מיט אונזער ווארט און איבערצייגונג איז פשוט געווען דערפאר וואס מיר האבען צום האנד נישט געהאט קיין ביי־שפיעלע און מיר וואלטען געוויען געמוזט אנקומען צו השערות.

האט אבער פאסירט, אז א איד פון סענט לואים איז פארפלאנדזשעט געווארען צו אונז אין רעדאקציע; מיר האבען מיט דעם אורח געהאט א קורצען שמועס מכח די אידען אין זיין שטאדט און מכח די דארטיגע אידי־שע אינסטיטוציעס. און אט האט אונז דער איד א זאג געטאן, אז אין סט. לואיס איז פאראן א אידישער שפיטאל און אזוי ווי די סט. לואיס'ער אידען ווילען א אידישען שפיטאל נישט נאר איה'ן נאמען נאר טאקע אויך אין דער ווירקליכקייט, דערום איז פאראן א סענטימענט ביי די אידען אין סט. לואיס, אז מען זאל איצט בויען א אידישען האספיטאל.

לאמיר זיך מודה זיין, אז מיר האבען דעם אידען נישט פארשטאנען; עס איז איינס פון די ביידע: איז פאראן א אידישער שפיטאל אין סט. לואיס, מא צו וואס דארף מען אן אנדערען? איז נישטא קיין האספיטאל, מא וואס הייסט דער עקזיסטירענדער?

האט אונז דער איד אט וואס דערקלערט:

אין סענט לואיס האבען די ארטאדאקסישע אידען מיט א פינף און צוואנציג יאהר צוריק איפגעבויעט א כשר'ן שפיטאל. אבער די אידען וואס האבען זיך מתעסק געווען מיט דעם אנשטאלט, זיינען מסתמא געווען אזעלכע אידען, ווי די דעטראיט'ער מתעסקים פונ'ם האספיטאל: זיי האבען געהאט א שטארקען ווילען, זיי האבען נישט געקארגט קיין מיה, קיין צייט, קיין ארבייט. אבער פינאנסירען א האספיטאל האבען זיי נישט געקענט.

זיינען די סט. לואיס'ער פשוט'ע אידען געפאלען איף א פשוט'ער המצאה:

זיי האבען זיך געווענדעט צו די „יאהודים“.

אייגענטליך זיינען די דעטראיט'ער מתעסקים פון דעם האספיטאל אויך געפאלען אויף דער זעלבער המצאה. אבער וועגען דעטראיט וועלען מיר רעדען שפעטער.

די סט. לואיס'ער יאהודים זיינען מיט א פינף און צוואנציג יאהר צוריק געווען רייכער, איידער די ארטאדאקסישע אידען.

זיי זיינען עס אויך איצט.

און נישט נאר אין סט. לואיס, און נישט נאר אין דעטראיט, נאר אומעטום כמעט זיינען די יאהודים רייכער.

עס קען זיין אז דאס איז דערפאר, וואס אזוי גיך ווי אונזערע פשוט'ע קאלאווארער אידען ווערען רייך, הייבען זיי זיך אן צו פארדייטשמערען און שארען זיך צו צו די יאהודים און רעפארמירען זיך...

אזוי צי אנדערש, עס איז א פאקט, אז דאס אידישע עשירות שפארט אן אין מעהרע פעלע ביי די פארדייטשמערטע רעפארמערס.

זיינען די סט. לואיס'ער ארטאדאקסען אוועק צו זייערע רעפארמיר־טע ברידער און האבען זיי פארשאכערט דעם האספיטאל.

עס פארשטעהט זיך, אז די ארטאדאקסען האבען בפירוש אויסגעגע־מען א תנאי מיט די רייכע רעפארמער אז דער שפיטאל מוז זיין אידיש און — כשר!

און עס פארשטעהט זיך, אז די רעפארמער האבען פארשפראכען.

אין פינף און צוואנציג יאהר ארום, ווען די פראסטע אידען — די נישט רעפארמירטע — האבען זיך שוין אויך אויסגעגרינט אין סט. לואיס, און האבען שוין אויך אפיסעל מזומן, האבען זיי זיך ארומגעזעהן, אז — —

אז דער אידישער האספיטאל איז אידיש בלויז אינם נאמען.

דער אידישער פאציענט ליידט.

דער פרומער, ארטאדאקסישער חולה פיהלט זיך אין א פרעמדער סביבה.

דער פרומער איד קרענקט צוזעהענדיג ווי זיינע רעליגיעזע געפיהלען ווערען פארשפיגען און צעטראטען און די סט. לואיס'ער ארטאדאקסישע אידען האבען בדעה צו רעהאלטירען.

און איצט — אינם מארגענדיגען לייט ארטיקעל — וועלען מיר ריי־דען מכח דעטראיט.

צווישען דעטראיטער ענגלישע צייטונגען

פון ז. ריווקיאן

איינע פון די פיעל פארלארענע האפנונ־גען, וועלכע די פראגרעסיווע וועלט האט ערליטען, איז דער פאקט, וואס מיליטאר־ריזם איז נים נאר נים אפגעשאפט געווא־רען, נאר אדרבה, ער איז פיעל פאר־שטארקט געווארען. מיט צוויי יאהר צו־ריק, ווען די אידעאליסטישע וועלט איז געווען, ווי באטייבט פון עקסטאז הורך פרעזידענט ווילסאנ'ס „קולות וברקים“ נעגען מיליטאריזם, האט זיך דאן אויסגע־רוכט, אז, אויספאלט, וועלען די לענדער, וועמען דער מיליטערישער, דוישנגנאאיסטי־שער גייסט איז ביז דער מלחמה געווען פרעמיד, וועלען אט די לענדער נים פארוי־בען איינצופיהרען ביי זיך אין דערהיים „פאלראטשינא“. די ווירקליכקייט איז אבער גרויזאם און אונ'רחמנות'דיג. די נגשייטיגע איז זעהר גרוים, ווען מ'זעהט, אז אי אמעריקא, אי ענגלאנד, וועלכע האבען ביז דער מלחמה קיינע שטעהענדע ארמייען נים געהאט האבען איצט זיי איינ־געפיהרט.

דער אמעריקאנער קאנגרעס האט מיט א מעהרהייט פון דריי פערטער אנגענומען א געזעץ־פארשלאג פאר א שטענדיגער אר־מיי פון 300,000 טויזענד מאן. ס'עקזיסטירט אבער א שטארקע אפאזיציע אין'ם לאנד צו דיזען פארשלאג. און אט וועגען דער אפאזיציע רעדט דער היגער „דושורנאל“.

דער ארטיקעל הייסט: „די טעמפע־רענער פון ערפאהרונג“. אין דער ער־שטער העלפט פון דעם דאזיגען עדיטאר־ריעל קלאגט די צייטונג אויף די אומזיס־טע הרבנות, וואס די „ניט־צוגענדרייט־קייט“ פון אמעריקא צום קריג האט פאר־אורזאכט.

„זענענדיג ניט צוגעגרייט, — זאגט דער „דושורנאל“ — האט די רעגירונג פארשווענדעט ביליאנען דאלאר. זענענדיג ניט צוגעגרייט, האט זי (די רעגירונג) ערלויבט באנאר־קאנטראקטארס, פראפיטירענדע אגענ־טען און ענטאוזיאסטישע קאנגרעסלייט אויסצונוצען צומישעניש אים צו מאר־בען פארברעכערישע פארמעגענס, זע־נענדיג ניט צוגעגרייט, האט זי פאר־נאסען דאס בלוט פון דער אמעריקאנער יוגענד פאר אונגיטיגע קרבנות. דער פרייז, וואס דאס פאלק האט ענדליך באצאהלט (פאר דיזער ניט־צוגע־גרייטקייט) איז דיסארגאניזאציע, דער יקרות, געזעלשאפטליכע אינרוה און אגיטאציע פאר א פאליטישע רעוואלו־ציע“

דער „דושורנאל“ איז, ביי שום ספק, גערעכט אין די ערשטע דריי זאצען פון די פיער, וועלכע זענען ציטירט געווארען. נעזיים זענען ביליאנען פארשווענדעט געווא־רען. נעזיים האט קאריפציע, אינ'ם משך פון די מלחמה יאהרען זיך ארייגעכאפט אין די „הינטער טירען“. נעזיים זענען טויזענדער אמעריקאנער בירגער אומגעקו־מען נאר א דאנק דער אומפעהיגקייט פון פיעלע פון די מיליטערישע פיהרער.

אבער צו זאגען, דאס די ניט־צוגע־גרייטקייט צו דער מלחמה — אין א פשוט'ען מאמע לשון מיינט עס, ניט האר־בענדיג קיין פאלדאטשינא — האט פאר־אורזאכט „דעם יקרות, דעם סאציאלען אומרוה און אגיטאציע פאר א פאליטישע רעוואלוציע“ איז א פאליטישע קורצזיכ־טיגקייט. די איצטיגע סאציאל־עקאנאמי־שע לעבענסבאדינגונגען זענען הירערט אין אומפערמיטעלבארע פאלגען פון דער מלחמה. וואלט די וואשינגטאנ'ער אדמי־ניסטראציע געווען מעהר פעהיג, מעהר צוגעגרייט, — ניט צו מלחמה, נאר צו פארשטעהן די פארבארגענע כחות, וואס די נייע צייט ענטהאלט אין זיך, דאן וואלט דאס לאנד ניט געהאט די ביטערע ערפאהרונגען, וועלכע עס האט היינט־צו־טאג.

דער „דושורנאל“ וויל דאס ניט פאר־שטעהן, דארום זאגט ער פאלגענדעס:

„דיזע פאקטען (דאס איבענצי־טירטע), וואלט איהר געקענט דענקען זענען געווען לעקציעס, גענוגענדע פאר פארניכטען אין זיניגע מענשען. אבער טויזענדע פון אונזער פאלק האר־בען פון זיי גאר ניט געלערנט. אט האט ארויסגעזאגט גענענצאעעעיאטאיש אין פארמער ארגאניזאציע זיך עפענט ליך־ארויסגעזאגט נעגען מיליטערישע הוצאות. אט האט זיך אין ארגאניזא־ציע פון פרויען־זועהלער זיך געלאזט קאנטראלירען פון דעם בלינדען פאצי־פיזם“

„די איבערצייגונג איז דארום א קלארע, דאס כאטש ס'האבען ניט גע־פעהלט קיינע דערנער אין דער ערפאה־רונג פון דער וועלט מלחמה, האבען אבער די דערנער ניט געהאט די שארפקייט אדורכצודרינגען ביי פיעל זייער „ערקעטנים־קראפט“.

ס'איז שוין אן אלטער כלל, דאס די „ערקעטנים־קראפט“ איז ניט קיין אב־סאלוטע און דאס „דער ווילען איז דער פאטער פון געדאנק“ וואלט דער „דושור־נאל“ ניט געהאט אזא געגען־ווילען צום „בלינדען פאציפיזם“, וואלט זיין „ער־קעטנים־קראפט“ געצויגען גאר אנדערע לאגישע שלוסען פון די ערפאהרונגס־דער־נער פון דער וועלט מלחמה. ער וואלט דאן געזעהן, אז מיליטאריזם איז ניט א מיטעל נעגען מלחמות, נאר פארקעהרט, די הויפט סבה, וועלכע מאכט מלחמות מעגליך.

מיט א טאג פריהער איידער עס איז ערשיענען אין „דושורנאל“ דער אויי־בענדערמאנטער עדיטאריעל, איז די הי־גע ליבעראלע „ניוס“ אר־ויס מיט א לייט־ארטיקעל „דער פרייז פון אן אימפעריע“.

די „טיימס“ רעדט אין דיזען ארטיקעל וועגען דעם מיליטערישען בודזשעט, וואס דער ענגלישער קריעגס־מיניסטער ווינ־סטאן טשוירטשיל האט ארייגעבראכט אין פארלאמענט. ער פארלאנגט די ריע־זיגע סומע פון $625,000,000 א יאהר אויסצוהאלטען די ארמיי, און 125 מילי־יאן דאלאר א יאהר פאר דער לופט־אפטיילונג.

די „ניוס“ באמערקט, אז:

דאס איז כמעט פינף מאל גרע־סער פון'ם בודזשעט, וואס ענגלאנד האט געהאט פאר דער ארמיי אין דעם יאהר 1914־1915, ווען זי האט אויסגעגעבען פאר דיזען צוועק, $140,000,000. אמת, דאן איז ניט גע־ווען קיין נאציאנען ליגע; וויי ס'זעהט אויס, באטראכט מר. טשוירטשיל די ליגע, אלס א מישא און איז ניי־גיעריג, דאס ענגלאנד זאל שפיעלען א ספע־ציעלע אויסריינונגס־ראלע געגען ווי־דערשפעניגסטע, לאמיר זאגען, אין מצרים אדער קליין־אזיע, וועלכע ענטזאגען זיך צו געניסען פון שלום“.

די „ניוס“ פארשטעהט גאנץ קלאר צוליעב וואס ענגלאנד נויטיגט זיך אין א שטעהענדער ארמיי. אויב דער אפעטיט פון ענגלאנד איז נאך אלץ גרוים צו פאר־כאפען וואס מעהר טעריטאריעס געגען דעם ווילען פון די ארטיגע באפעלקערונ־גען דאן מוז מען טאקע זיך פארזיכער'ען מיט א גענוגענדער צאהל באיאנעטען אנצוהאלטען דיזע טעריטאריעס.

די „ניוס“ באטראכט דאן די איינ־צעלהייטען פון די אומגעהויער גרויסע הוצאות, וואס ענגלאנד גיט אוים אויף אויסצוהאלטען ארמייען אין אינדיען, איירלאנד, מצרים און מיטעל־אזיע, און פארענדיגט איהר ארטיקעל מיט פאלגענ־דען פאראגראף:

„דאס איז דער פרייז פון שלום. די פאראייניגטע שטאטען פראיעקטי־רען א גרויסע פלאטע און א גענוג גרויסע ארמיי. ס'וועלען קומען די וועקסלען פאר זיי. פראנקרייך, אי־טאליען, יאפאן, גריכענלאנד, רומע־ניען און אלע רעגירונגען איבער דער גאנצער וועלט זעהן שטארק פארנו־מען מיט'ן אנצייכענען פון זייערע מיליטערישע בודזשעטען — פאר שלום. וואס נעמענדיג דאס אלץ אין אנבאטראכט, וועט זיין דער פרייז, וועלכען די וועלט באצאהלט פאר דער פריוויליגיע פון פריעדען? פאר וואס ניט א נאציאנען ליגע?“

יעדער קען פארשטעהן, אז די איצט עקזיסטירענדע נאציאנען־ליגע איז הילפ־לאז צו פארמיידען וויטערדיגע מלחמות. די אורזאכע איז א פשוט'ע: דער לע־בענס־נערוו פון דער היינטיגער געזעל־שאפט איז, צו רעדען אויף דער דיפלא־מאטישער שפראך, צו באקומען וואס מעהר „איינפלוס־ספערען“. און זעלבסט־פארשטענדליך, דאס דער קאפיטאליס־טישער קלאס פון יעדען פאלק וויל די־זע „איינפלוס־ספערען“ פאר זיך, און דאן קומען שוין פאר „פאליטיש־דיפלא־מאטישע“ רייבונגען, וועלכע פיהרען נאטירליך־וויזע, צו מלחמות. אט די אקסיאם מעגען אלע מאראליסטען גע־דענקען, ווען זיי פרעדיגען אן אלוועלט־ליכען פריעדען.

דער ציוניזם אין אמעריקא און דער בית דפוס ירושלים

(פון אן אינטערוויו מיט ה' לעא זאלאטקאף)

פון י. ראבינאוויטש

„ווי האלט עס איצט מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא בכלל?“ האט זי זיך א היבשע ביסעל פארשטארקט, זייט עס איז איינגעפיהרט געווארען די אזוי גערופענע דיסטריקט סיסטעם?

אויף דעם האט מר. זאלאטקאף גע־ענטפערט:

„די דיסטריקט־סיסטעם וועלכע איז אין גאנצען א יאהר אלט, האט פיעל בייגעטראגען צו דער פארברייטערונג פון דעם ציוניזם, אבער בנוגע דער פארטיי־פונג פונ'ם ציוניזם, איז די דיסטריקט־סיסטעם געבליבען וועניגער ווירקזאם. דאס איז דער פאל ווייל די דיסטריקט־סיס־טעם האט דערגרייכט די מאסען אין פארטיעפונג איז בלויז מעגליך אין א בא־שרענקטען קרייז פון יחידים. אין אנדערע ווערטער: דער ציוניזם אין אמעריקא ווערט א פאלקסבאוועגונג און דאס איז אן ערפרייענדע ערשיינונג. לאנג ווירקען אין אן ענגען קרייז קען מען ניט און ווען א אידעע ווערט צוגעטראגען צו דער מאסע, קען זי נים גלייך איינגענומען ווערען אין איהר פולער טיעפקייט. מיר האבען איצט אין אמעריקא א מיטגליעדערשאפט פון 150,000 און דאס איז א גרויסער געווינס, פיהרער, ווען עס האט עקזיס־טירט די באסיעטעסיסטעם האבען מיר אין גאנצען געצעהלט פון 18 ביז 20 טויזענד מיטגליעדער.“

„וועלכע ציוניסטישע ארבייט אינטע־רעסירט אייך אמייסטענס ביי איצ־טיגען מאמענט?“

„איך פערזענליך — האט מר. זאלאט־קאף געענטפערט — בין יעצט אט־שטארקסטען פאראינטערעסירט מיט דעם „בית דפוס ירושלים“ (די עטאבלירונג פון א דרוק־אינדוסטריע אין ירושלים).

„די מלחמה האט צעשטערט די גרויסע דרוקערייען פון די גלות לענדער. אזא דרוקעריי ווי „די אלמנה והאחים ראם“ פון ווילנא איז צעשטערט געווארען פון קא־נאנען און די מיליטערישע קאמאנדעס. פריהער די רוסישע און דערנאך די דייט־שע, האבען אוועקגעריבט די סטערעא־טיפען, די פלאטען און אלע סארטען מעטאלען און איבערגעשמאלצען אין קוי־לען, די מאסען־גירושים פון די קאוונער, גראדנער און ווילנער גובערניעס האט פאראורזאכט די צעשטערונג פון ספרים־לאגערם און פון פריוואט ביבליאטעקען און אזוי ארום איז דאס אידישע פאלק געבליבען כמעט אהן ספרים. עס איז אזוי ווייט געקומען, אז אידישע קהלות פון ליטע און פון פוילען האבען זיך גע־ווענדעט נאך אמעריקא מיט דער בקשה, מען זאל זיי שיקען סדורים, מחזורים און נאך אזעלכע ספרים.

„די צעשטערונג פון דרוקערייען האט אויך געבראכט א גרויסען עקאנאמישען אומגליק.

הונדערטער און הונדערטער מענשען וואס האבען זיך באשעפטיגט מיט דרוק־ארבייט, זיינען געבליבען ארבייטסלאז.

„אלזא, דער פלאן איז יעצט צו עטאב־לירען א מאדערנע גוט־איינגעארדענטע דרוקעריי אין ירושלים, וואס זאל ארויס־געבען די בעסטע דרוק־ארבייט אין דער וועלט. אזא אינדוסטריע איז זעהר פאסיג פאר ירושלים.

„דער געדאנק פון'ם בית דפוס ירושלים איז געבוירען געווארען ביי א מיטינג פון אנגעזעהענע שיקאגא'ר ציוניסטען, און האט זיך איצט פארצווייגט ווייט און ברייט. אומעטום גערט דער פלאן גע־שטיצט מיט באגייסטערונג“.

ביי דיזע ווערטער האט מר. זאלאט־קאף מיר געוויזען א באגייסטערטע פאסט קארטעל פון מאקס נארדוי אין וועלכער דער ציוניסטישער וועטעראן באגריסט די ציוניסטען פון אמעריקא, וואס זיי האבען גענומען די זכיה צו געבען געבורט אזא נאבעלען געדאנק. „א בית דפוס ירושלים ווערט געזאגט אין דער פאסט־קארטעל — איז א דירעקטער שטוים צו דער פאר־ווירקליכונג פון'ם נביא'ס ווערטער: „כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים“.

ער האט מיר אויך געוויזען א בריעף פון לעווין עפשטיין, וועלכער איז יעצט אין ירושלים און ארבייט אין די אינטע־רעסען פון'ם בית דפוס. דער דאזיגער בריעף גיט זיך מעהרסטענס אפ מיט טעכנישע איינצעלהייטען פון'ם פלאן. אבער צווישען אנדערעם ווערט דארטען געזאגט: „מיר זענען אלע פשוט הונגעריג נאך א נעדרוקטען ווארט. ס'איז דא אן אויסערגעוועהנליכער דוחק אין דרוקע־ריי“.

עהנליכע בריעף האט זאלאטקאף גע־קראגען פון ישמריהו לעווין און אנדערע באריהמטע ציוניסטישע פיהרער, וועלכע ווייזען אז דער פלאן פון א בית דפוס ירושלים ווערט אומעטום מיט באגייסטע־רונג איגדארסירט און געשטיצט.

„וואס איז שוין ביז איצט געטאן גע־ווארען פאר דער פארווירקליכונג פון די־זען גראנדיעזען פלאן? — האב איך גע־פרעגט.

„לויט די אומשטענדען — האט מר. זאלאטקאף געענטפערט — איז שוין איפ־געטאן געווארען א סך. צוויי טיכטיגע קאמיטעטען פון זעהר אייפלוסרייכע אי־דען זענען ביי דער ארבייט אין ניו יארק, און שיקאגא און אנדערע שטעדט. פאר דער פארווירקליכונג פון'ם פלאן איז נויטיג א סומע פון $200,000. אכציג טויזענד דאלאר איז שוין סובסקריבט. ווען מיר האבען געגרינדעט די „חברה בית דפוס ירושלים“ אין שיקאגא, האבען מיר ערפאהרען, אז אין פעטראגראד האט זיך אויך געגרינדעט א „חברה קריאת ספר“ וועלכע האט געהאט געצייכענט א קאפי־טאל פון דריי פערטעל מיליאן דאלאר. אבער מיט דעם אהייגאנג פון די באל־שעוויקעס איז בטול געווארען דער רובעל צוזאמען מיט זייערע פלענער. האבען מיר זיך פאראייניגט מיט זיי און מיר זיינען איצטער איין חברה.

„די חברה האט שוין געקויפט לאנד, אין צפון־זייט פון ארץ ישראל. דערווייל איז נאך דאס לאנד פארנומען מיט מיליי־טער. אבער אזוי שנעל ווי די טרופען וועט אינטערגעשריבען ווערען, וועט מען זיך נעהמען צו בויאונגס־ארבייט.

„עס איז אויסגערעכענט געווארען פון עקספערטען דרוקער, אז צוויי טויזענד דאלאר איז דער מינימום וואס פאדערט זיך פאר דער עטאבלירונג פון אזא אנ־שטאלט מיט די נויטיגע מאדערנע מא־שינערי. דער פארשלאג איז דאריבער גע־מאכט געווארען ארויסצוגעבען פיער טוי־זענד שערעס צו פופציג דאלאר א שער, וועד עס אונטערצייכענט זיך פאר איין שעהר אדער מעהר, צאהלט איין צעהן דאלאר אויף יעדע שעהר. ווען די גאנצע פיער טויזענד שערעס וועלען זיין גע־צייכענט, וועט דער סובסקרייבער ווע־רען אויפגעפאדערט צו צאהלען נאך 20 דאלאר אויף יעדע שעהר. און די לעצטע צוואנציג דאלאר וועט ער דארפען צאה־לען ווען דער בנין וועט שוין שטעהן פארטיג אין ארץ ישראל.

„אויף דעם אופן וועט די אויסצאה־לונג פון א שעהר ענהמען מינדעסטענס צוויי יאהר, וואס מאכט דעם עסק פיעל לייכטער דורכצופיהרען.

„א קאמיטע פון קאמפעטענטע לא־יערס האבען אכטונג געגעבען אויף דאס געזעצליכע זייט פון דער אונטערנעהמונג, און האבען פארפאסט דאס ארגאנישע גע־זעץ פון „בית דפוס ירושלים“ אין דער פארמע פון „ארטיקעלס עוו אגרימענט און טראסט“.

דער אפיס פון בית הדפוס געפינט זיך אין שיקאגא, 520 יוניטעד סטייטס עקס־פרעס בילדינג. אונזער געעהרטער גאסט איז דער סעקרעטער פון דיזער ארגא־ניזאציע.

וואו זענט איהר קינדהייטס יאהרען?

פון ל. ראזענבערג

ביי מיין וויעגעל האבען קיינמאל
לולעדער טרויעריגע געקלונגען
נים א לעבען — ארים, עלענד
האט די מאמע מיר געזונגען.

אין מיין וויעגעל זענען־תמיד
מאנדלען, ראזינקעס געלעגען:
אז דאס זיסע גליק זאל אייביג
שיינען מיר איך אלע וועגען.

און עס פלעגט די מאמע מיינע
פרעהליך מיר צום שלאף פארוויגען
און געטרייסט מיך, אז אין לעבען
וועל איך אומעטום נאר זיגען.

און א לאנד וועט גאט מיר געבען,
וואו עס וועט נאר האניג פליעסען —
שעהנע, גוטע טעג און יאהרען
וועל איך דארטען נאר געניסען.

— — — — — — —

שנעל פארשווינדען איז מיין קינדהייט
מיינע ענגע פריהלינגס בלומען,
און א שלעכטע צייט א שווערע
איז אצינד אויף מיר געקומען.

פון מיין שעהנעם קליינעם וויעגעל
זענען ברעטער נאר געבליבען,
און פון האניג לאנד דעם זיסען
האט מען מיך ארויסגעטריבען.
ווי א בעטלער, עלענד, ארים,
איז מיין גורל איצט געווארען — —
אך וואו זענט איהר מיינע שעהנע,
מיינע זיסע קינדהייטס־יאהרען ? !

ציוניסטישע נייעס פון דער גאנצער וועלט

בעוועלדערען ארץ ישראל

דער אידישער נאציאנאל פאנד האט מיט א קורצער צייט צוריק אנגעפאנגען די ארבייט פון באוועלדערען גרויסע שטרעקעס לאנד ארום זיינע קאלאניעס און פארמס.

אין בן שמן איז פארפלאנצט געווארען 230 דונאם פיכטען בוימער.

אין הולדה, 80 דונאם קאזוארינער בוימער.

ראשון לציון און נחלת יהודה, 500 דונאם פון די זאמד בערג, אקאליפטוס בוימער און געוויסע פלאנטאציעס, צווישען זיי דער „אמאפילא ארענאריא,“ וועלכער האלט איין דעם זאמד.

אין באר טוביה, 380 דונאם אקאליפטוס בוימער.

אין מרחביה, 150 דונאם אקאליפטוס און קואזארינער בוימער.

אין דגניה, 50 דונאם אקאליפטוס בוימער.

אין כנרת, 110 דונאם אקאליפטוס און פיכטען בוימער.

אין כפר מל"ל, 165 דונאם אקאליפטוס בוימער.

אויפ'ן הר הכרמל, 50 דונאם פיכטען בוימער.

אין קלנדיה, 85 דונאם סאסנאווע בוימער.

די ארבייט ווערט דורכגעפיהרט דורך עטליכע ארבייטער קבוצות, אונטער דער אויפזיכט פון דעם אגריקולטור און קאלאניזירונג דעפארטמענט אין דעם ועד הצירים.

ציוניזם אין מצרים

אין קאירא האט זיך לעצטענס געגרינדעט א ציטווילינער קאמיטעט, וואס האט פאר זיך די אויפגאבע צו פארשפרייטען דעם ציוניזם און די העברעאישע שפראך צווישען די דארטיגע אידען.

לעצטען מאנטאג האט די קאהיר'ער אידישע קהלה פאררופען א מאסען־פארזאמלונג, אויף וועלכע עס איז ערוועהלט געווארען א נייער ועד, או עס איז באשלאסען געווארען דאס די ארבייט פון דער קהלה, וואס איז ביז איצט געפיהרט געווארען אין א־אביש זאל אין דער צוקונפט געפיהרט ווערען אין העברעאיש.

נייע רעקרוטען פאר'ן אידישען לעגיאן אין ארץ ישראל

אין ארץ ישראל וועט מען נאר אין גיכען אנפאנגען עגליסטען נייע וואלונטירען פאר דער שטעהענדער אידישער ארמעע, וועלכע וועט אויפפאסען אויף דער אידונג אין לאנד.

גרעסערע לוין פאר אידישע ארבייטער אין פתח תקוה

די פערם ביורא פון דעם ועד הצירים אין ירושלים מעלדעט:

אויף א קאנפערענץ אין פתח תקוה פון פארשטעהער פון ועד הצירים, פון די ארבייטער און פון די קאלאניסטען, אויף וועלכער עס איז באשפראכען געווארען די ראגע פון אידישער ארבייט אין דער קאלאניע, איז מען ענדליך געקומען צו א פארשטענדניס און פאלגענדע רעזאלוציעס זענען אנגענומען געווארען:

א. — די קאלאניסטען צאהלען די אידישע ארבייטער מיט 15 פראצענט מעהר איידער דעם פריערדיגען ארבייטער.

ב. — א קאמיטע פון ארבייטער און קאלאניסטען וועט שטעלען אלע פראגען און וועט זעהן ארייננעהנען וואס מעהר אידישע ארבייטער אין די פארשידענע ארבייטען אין דער קאלאניע.

ג. — די קאמיטע וועט ארויסהעלפען מיט הלואות די אלע אידישע ארבייטער וועלכע ווילען ארבייטען פאר זיך.

„עטרות“ געזעלשאפט אין ארץ ישראל

אין ארץ ישראל האט זיך לעצטענס געגרינדעט אן אקציאנס געזעלשאפט מיט'ן נאמען „עטרות“, וועלכע צוועק עס איז צו האדעווען שאף אויף דעם „הר כנען“, וועלכער איז זעהר א גוטער פאשע פלאץ. מען האט שוין ארט אנגעפאנגען בויען הייזער און פלאנצען ווייך בוימער.

קורסען אין ביהנען האדעווען

די אגריקולטור אָרגאניזאציע פון ארץ ישראל האט ערעפענט אין מקוה ישראל קורסען פאר ביהנען האדעווען אונטער דער אויפזיכט פון הערר ליפשיץ. דער קורס איז א צוויי וואכיגער.

נייער העברעאישער וואכענשריפט „הבמה“ אין ירושלים

אונטער דער רעדאקציאן פון דעם באוואוסטען העברעאישען זשורנאליסט ה' א. י. שירמאן, וועט אין ירושלים אין גיכען אנהויבען ערשיינען א נייער העברעאישער אונפארטייאישער וואכענשריפט מיט'ן נאמען „הבמה“.

נייער שטאדט גארטען אין ירושלים

די געזעלשאפט „פרי ירושלים“ האט אנגענומען די ארבייט פון פלאנצען אין ירושלים א נייעם שטאדט גארטען.

ציוניזם אין נויזעלאנד

די אידישע קהלה פון ניוזעלאנד, וועלכע צעהלט ארום 2,200 נפשות, האט אונטער דער אויפזיכט פון דער אקלאנדער ציוניסטישער ארגאניזאציע, פון וועלכער האג. מייערס, אמוניציאן און סופיי מיניסטער, איז פרעזידענט, אנגעפאנגען א קאמפיין פאר'ן גאולה פאנד. זיי ערווארטען צו שאפען ביז 2,000 פונט, א. העלפט פון דיעזער סומע איז שוין אפגעשיקט געווארען נאך לאנדאן.

איז לאזט איבער 10 טויזענד דאלאר פאר ארץ ישראל

מען איז אונז מודיע, אז דער באקאנטער ציוניסטישער כלל טוער טוביה גארדאן פון דולוטה, מינעסאטא, איז געשטארבען און איז אונטאג דעם 29טען פעברואר באערדיגט געווארען אין סט. פאול־מינעסאטא. פאר זיין טויט האט דער פארשטארבענער ניט פארגעסען אז זיין אידעאל און איבערגעלאזען איז צואה 10 טויזענד דאלאר פאר מעדיציניש אינטערזוכונג אין ארץ ישראל. דאס געלט פון זיין אלמנה, פעני גארדאן, באלד איבערגעשיקט ווערען צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקא. זיין טויט ווערט פון זיינע פריינד אין באקאנטע פון סט. פאול און דולוטה שטארק באדויערט.

ציוניזם אין איטאליען

לעצטען פעברואר האט אין פלארענס, איטאליען, שטאטגעפונען די ערשטע זיצונג פון דער ניי ערוועהלטער קאמיטע פון דער פלארענס'ער קהלה. די זיצונג איז ערעפענט געווארען מיט רעדע אין העברעאיש פון דעם פרעזידענט סיניאר מארפירגא או דער רב הכולל מארגוליס. די פארגענדע רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען:

„די אידישע קהלה פון פלארענס וועט שטעהן אין שטענדיגער פארבינדונג מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און וועט אויספאלגען אלע איהרע אינסטרוקציעס. די קהלה פיהרער ווע־ען אויפגעפאדערט מיטצוהעלפען אין אנפיהרען די ציוניסטישע ארבייט“.

ציוניזם אין עסטאניא

לעצטע פעברואר איז אין רעוועל פארגעקומען א קאנפערענץ פון די עסטאנישער ציוניסטען; עס איז באשלאסען געווארען אנצופיה־ען א קאמפיין פאר דעם גאולה פאנד.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון רעוועל האט געפייערט די ערעפענונג פון'ם קאמפיין. עס איז באשלאסען געווארען צו אנפאנגען א „גאלד גאולה קאמפיין“. פיעלע ווערטהפולע צירונגען זיינען אויפ'ן פלאץ אפגעגעבען געווארען פאר דעם פאנד.

בית משפט השלום אין חברון

פיהלענדיג דעם גרויסען מאנגעל אין א יורידישען אנשטאלט, האבען די חברון'ער אידען אויפגעפאדערט זייער ניי ערוועהלטען „ועד העיר“ צו שאפען אזא אנשטאלט אין חברון. דער ועד העיר האט אויפגענומען די איניציאטיווע און דורך דער הילף פון הערר אוסטער, פון ירושלים, האט געגרינדעט א „בית משפט השלום“.

מינסקער חלוצים גרייטען זיך צו פאהרען נאך ארץ ישראל

אין מינסק איז צונויפגעשטעלט געווארען א גרויסע ליסטע פון חלוצים, וועלכע זיינען גרייט אין נאר א קורצער צייט אפצופאהרען נאך ארץ ישראל. קלענערע גרופען חלוצים פון באברויסק און סלוצק האלטען זיך גרייט צו פאהרען קיין ארץ ישראל גלייך נאך פסח.

ציוניסטען זיגען אין די קהלה וואהלען אין מינסק

אין די לעצטע וואהלען פאר ראטהסמענער פאר דער מינסקער קהלה, האבען די ציוניסטען נעקראגען די גרעסטע פארטרעטערשאפט.

פועלי ציון ראדיקאל קלאב אין מינסק געשלאסען

דעם 15טען יאנואר האט די מינסער פאליציי אין ידער באגלייטונג פון סאלדאטען געמאכט אן אונטער־זוכונג אין דעם פועלי ציון ראדיקאלען קלוב, און האבען פארנומען פיעלע פאפירען. דער פרעזידענט פון קלאב איז נעצוואונגען געווארען צו געבען א שריפט, דאס ער וועט ניט ארויספאהרען פון שטאדט.

די פארוואלטונג פון קלאב האט געלאזט וויסען, דאס איהר ארבייט ווערט אפגעשטעלט. די העברעאישע קורסען אבער, ווערען פארטגעזעצט.

ציוניזם אין שפאניען

אויף דער [illegible] יניציאטיווע פון פ־אפעסאר יהודה, האט זיך אין בארסעלאנא שפאניען, געגרינדעט א ציוניסטישע ארגאניזאציע, וועלכע שליסט אויך איין די אידען פון דער שפאנישער מאראקא.

די נעמען פון די 28 באפרייטע לעגיאנערען

די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט היינט ערהאלטען צוגעשיקט פון ארץ ישראל די ליסטע נעמען פון די 28 פאר'משפט'ע לעגיאנערען פון'ם 39טען רעגימענט פיוזיליערס, וועלכע זענען לעצטענס באפרייט געווארען.

ווי באוואוסט זענען זיי לעצטען זומער פאר'משפט געווארען אויף דער קלאגע פון „מיוטיני“ צו פינף יאהר „פענאל סערוויטוד“, זייער שטראף איז דאן פארקלענערט געווארען צו א יאהר, און זיי זענען אפגעשיקט געווארען אין דער מיליטערישער תפיסה אי ציטאדעל, קאירא. זייער אויפפיהרונג פון איין זייט און די גרויסע השתדלנות פון צווייטער זייט האט געבראכט דערצו אז זיי זענען אין גאנצען באפרייט געווארען און צוריק געשיקט געווארען אין קעמפ.

זיי וועלען נאך דארפען צוליעב געוויסע אורזאכען פארבריינגען א פאר מאנאט אין קעמפ, ביז זיי וועלען דעמאבילוזירט ווערען.

מען ערווארטעט דאס די 21 פאר'משפט'ע לעגיאנערען פון'ם 38טען ר. פ. וועלכע דיענען יעצט א צוויי יאהר טערמין אין תפיסה, וועלען אויך אין גיכען באפרייט ווערען.

די נעמען פון די באפרייטע לעגיאנערען זענען:

מ. גאלדמאן, מ. וויין, ה. אייזענשטיין, י. קאליש, ה. בארקין, ה. פרענקעל, י. פעלדמאן, י. הורוויץ, ג. זאראווסקי, סאמאסטאנסקי, י. טאגרעט, י. גונשאר, פ. פינקעלשטיין, ה. הארוויץ, א. שערעניק, ב. לעוויטאן, ב. באסס, ס. רעזניק, ס. ה. ראזין, ב. פעלדמאן, מ. קריין, ב. חייטמאן, י. פאלמאן, פ. ארמאן, ב. מארדכאוויטש, א. סינגער, י. ליכטענשטיין, י. הוק.

די באפרייטע לעגיאנערען האבען צוריקגעקעהרט אין קעמפ דעם זעלבען טאג וואס דער הויפט קאמאנדיר פון דער ע. ע. פ. האט אפיציעל עמפפאנגען דעם „פוי־סט רזשודיענס“; זיין צופרידענהייט מיט דעם באטאליאן האט אין קעמפ ארויסגערופען די גרעסטע שמחה צווישען דער לעגיאן עקזיסטירט.

גאולה קאמפיין אין סאן פראנציסקא אנגעפאנגען

לעצטען זונטאג, דעם 14טען מערץ, איז אויף א גרויסער מאסענפארזאמלונג פון סאן פראנציסקאער אידען, וועלכע איז ארן־עסירט געווארען פון'ם מייאר פון שטאדט. דער וויים טשערמאן פון רעדקראס און פיעלע אנדערע פראמינענטע רעדנער, ערעפענט געווא־ען דער קאמפיין פאר דעם צעהן מיליאן דאלאר גאולה פאנד. צוויי און דרייסיג טויזענד דאלאר איז אויפ'ן פלאץ געזאמעלט געווארען אין קעש און פלעדושעס.

ביכער פאר דער העברעאישער אוניווערזיטעט

אין א בריעף צו דער ציוניסטישער א־גאניזאציע פון אמעריקא, מעלדעט מיר. י. ג. דאבסוואג, סעקרעטער פון דער „דזשואיש פובליקיישאן סאסייעטי“ או[...]

[...] גיזווערזיטעט אין ירושלים, מיט קאפיעס אמעריקא“, דאס זיי האבען באשלאסען צו פרעזענטירען דער העברעאישער אוניפון אלע זייערע אויסגאבען. די ביכער וועלען אפגעשיקט ווערען נאך ארץ ישראל מיט דער ערשטער געלעגענהייט.

בצלאל מוזעאום קריגט פיעלע אנטיקען

דער „בית הנכאת בצלאל“ פון דער בצלאל קונסט שולע אין ירושלים, האט לעצטענס אריינגעקראגען פיעל נייע ווערטפולע אנטיקען.

הערר אוסישקין האט פאר דער אפטיילונג „ציון“ געשענקט פיעלע דאקומענטען, אן אלבום, און א האמער פון די ציוניסטישע קאנגרעסען און צוויי אלטע מטבעות. לעווין־עפשטיין האט געשענקט א צאהל פאפיער־געלד פון רחובות.

דר. טיכו: 150 אראבישע קאמייעס.

קאלאנעלם מארגאלין און פעטערסאן פאר דעם לעגיאן אפטיילונג, צוויי קאנאנען, א הוט און פלענס.

מר. גור אריה, גענעראל אלענבי'ס בילד אויסגעהאקט אין ביין, און נאך א צאהל אנטיקען פון פארשיעדענע לייטע[...]

א בריעף פון שליח פון אוקראינער פערבאנד

(דער ערשטער בריעף פון מ. קאץ)

ערשט איין טאג איבער ווי איך בין אנגעקומען קיין לאנדאן; מיין שיף האט זיך פארשפעטיגט איין מעהר ווי מען האט אפילו אנגעמער די איצטיגע אומשטענדען געקענט ערווארטען. מיין ערשטער בריעף וועט איך ערשט גרייבען וואהרשיינליך אין א טאג צעהן אדער צוועלף ארום. דאס הייסט א הובשע צייט שוין נאך דער דאנגעקומען. איך וועל אייך לאנג גרויסע ראפענונגען, און דער צייט וועט איך שרייבן. אבער יעצט איהר לאזט דעזען דיע זען בריעף וועט דאך שוין זיין נאך די פיילאנטן פון דער דאנגעקומען אין פון דיעזע רעזאלוטן. דיינגט דאך אם די גאנצע ארבייט וואס דער פערבאנד האט צייט איינגעטהאן. איך שרייב אייך אין דער האפענונג אז עס וועט זיך אנהייבען א געזונטע פריכטבארע טהעטיגקייט וואו עס וועט הערן פראץ און חנין גריהנד ניט זיין פאר רייסערייען, וואו אין אן אינניגסטע פארשטעהונג פון כחות, וועלכע מוזן באנצט ווערען פאר רעטונגס ארבייט און נאר פאר רעטונגס־ארבייט אויף דעם פערניפטיגסטען און פראקטישטען אופן.

מיין אפיציעלער רעפארט בעשטעהט פארדייפיג אין דעם: איך האב גליקליך בעהוויזע גרייך ביי מיין אנקומען דא גע טראפען דעם פוים פון די זיצונגען פון דעם ציוניסטישען גרעסערען אקציאנס־קאנפערענץ. דאס האט מיר געגעבען א געלעגענהייט צו האבען בעראטהונגען מיט דר. כהן בערנשטיין און דר. איערבאך און דר. מארעב פון קאנסטאנטינאפער און נאך מיט פיעלע פראמינענטען אויף וועלכער דאס איז געוועזען די פרשער פון אינזער ארבייט. איך האב שוין אויך געמאכט א נעלעגענהייט צו האבען א בעראטהונג מיט ה. מארטיישין דער פארשטעהער פון די אידישע קאאפעראטיוע געזעלשאפטען; די ראגע איז יעהר א פערייכערטע און בעצוג פון אייב־ לייבען דאס ווען, אבער ביי מיר, איז נאך אלע בעראטהונגען פעסט בעשלאסען צו פאהרען נאך קאנסטאנטינאפעל, אבייאלד עס זיינען פאראן אויסזיכטען אז דורך פוירען זאל אין גיכען זיין אן אפענער ויעג אין באלשעוויסטישע טהייל פון אוקראינע, ווייל מען ערווארטעט אז דארט זאל געשלאסען ווערען פיע רייכט גאנץ גיך א פריעדענס־אפמאך. עס זיינען פאראן אויך אזעלכע אויסזיכטען, דאס הייסט אויף רוזעלבע גרינדע, אריינצוהרינגען דורך רעזיע, אבער אזוי ווי די אנדערע שליחים פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האבען זיך פערגומען איך דיעזע ווענג, מוז מען דאך פרובירען א נייעם וועג וועו אפילו פערבינדען מיט די גרעסטע שוועריגקייטען, אין בפרט אז די גרעסטע צאהל פון די קריעגסשטאנערעם איך וואוויעל איך בין אין זיי בעקאנט זענען פאר יענע געגענדען צו וועלכע איך מוז גרייבען דורך אדעס אדער נאוואראסיסק דערצו און דאס איז דאך פון דער גרעסטער וויכטיגקייט דער אומשטאנד, וואס קיין קאנסטאנטינאפעל זענען דאך נעלאפען אין אינגעהייער צאהל פליכטלינגע פון יענע שטעדט וואו די פאגראמען האבען געבישעוועט אם שוידערליכסטען. ניט נאר קאן איך טרעפען דארט פיעלע פון די פאמיליען צו וועלכע עס וועגדען זיך די קריעגסשטאנערים ניר אויסקונפט פון ערשטער האנד, און איך די אויסזיכטען אויף שלום מיט דעם באלשעוויסטישען טהייל זאל זיך פארוויר קליבען, דאן וועט זיך דאך לאזען תיכף ומיד צו מאכען פערבינדונגען, מיינע בעראטהונגען און אויסקינפטע האבען מיך געפיהרט צו דיעזע שליסע, איבערהויפט וועט קאנסטאנטינאפעל מוזען ווערען א צענטער פאר דער טראנספארטירונג פון נויטענדיגע זאכען נאך זידרוסלאנד.

איך האב דא שוין געמאכט די נויטיגע אראנזשירונג פאר שיקען קייבעלס אויף פרעסרייטס און האב איינגעלעגט דא צעהן פונט אויף חשבון. דאס איז אבער א זעהר קליינע סומע פראפארציאנעל און אזוי גיך ווי איהר וועט קריגען א קייבעל פון דער לאנדאנער קארעספאנדענץ ביורא אז מען דארף נאך סומען, מוזט איהר ואפארט פער קייבעל שיקען די געפאדערטע סומע. איך גלויב אז איך דארף דאס ניט נאך שטארקער אונטערשטרייכען. די נויטווענדיגקייט איז א זעלבסט פערשטענדליכע.

דארף איך אייך בעטען אז אויב איהר האט דאס נאך ניט געטהאן זאלט איהר דאס ואפארט טהאן און ארויסשיקען די נויטיגע סומע וואס האט געפעהלט פאר מיין אוועקפאהרען או [...] ווען מעגליך א גרעסערע וואלט אודאי און אודאי געווען א שכל, כדי עס זאל מיר קיינע מניעות ניט זיין מצד דעם. איך גלויב אז איך דארף דאס אייך נישט אונטערשטרייכען, ווייל דאס איז אזוי זעלבסט־פערשטענדליך. אויב נויטיגע סומען קאנען ניט געשאפען ווערען טאר מען דאך גארניט אונטערנעמען די ארבייט ווייל די אחריות פאר דער זאך גופא איז דאך אזא גרויסע.

נאך אין א פאר טעג ארום וועל איך זיין פארטיג מיט די פערשיעדענע וויזירונגען פון מיין פאספארט. עס געהען דאך איצט אן ערשט סכסוכים אין פריעדענס קאנפערענץ וועגען קאנסטאנטינאפעל. איז א פראגע פון וועמען מיין פאספארט דארף פאר דארט וויזירט ווערען. אבער איך גלויב אז דערמיט, ווי מיט נאך פארבינדונגען און אויסקונפט געפינען, וועל איך פארטיג ווערען אין צוויי דריי טעג, ווייל איך וויל לאנג זעהר דא ניי נייעס

2

איך אין פאריז ניט בלייבען, די צייט איז טהייער. איך וועל דא אבער מוזען בלייבען איבער זונטאג, ווייל זונטאג וועט [...]

דא זיין א קאנפערענץ פון אוקראינער אידען, און איך וויל זעהן וואס דא קען אויפגעטהאן ווערען. אויפגענומען בין איך דא געווארען [...] פון די אלע גדולים מיט דעם העכסטע פריינדשאפט און מיט דער בערייטקייט פון זייער זייט צו העלפען מיט ראטה און טהאט. וואס דאס העלפט מיר שנעל צו ארענטירען זיך און פארטיג ווערען מיט וואס איך דארף.

אויב איהר האט מיר נאך אויף אידיענעד וועלכען אופן ניט ארויסגעשיקט די פעהלענדע סומע, דאן איז דאס בעסטע איהר זאלט דאס טהון גלייך ווי איהר ערהאלט דיעזען בריעף און קייבלען דאס געלד קיין פאריז אויף דעם נאמען פון דער אידישער דעלעגאציאן צו דער פריעדענס־קאנפערענץ.

זעלבסטפערשטענדליך אז אויף דעם זעלבען אדרעס זאלט איהר קייבלען אירגענד וועלכע אינסטרוקציאן, וואס איהר האלט פאר נויטיג מיר צו געבען.

אין דער האפענונג אז אלעס וועט צו געהן ווי אם בעסטען און מיט פריינדליכסטען גרוס צו אלעמען

איבערגעבענסט

אייער, מ. קאץ

די צוקונפט פון פאלעסטינא

דער לאנדאנער „דיילי טעלעגראף“ האט באקומען פאלגענדען טעלעגראם פון איהר ניו־יארקער קארעספאנדענט:

די אמעריקאנער געזעלשאפטליכע קרייזען פאלגען נאך מיט'ן גרעסטען אינטערעם די פאלעסטינא־פראגע און די אונטערהאנדלונגען בנוגע דעם אפמאך מיט טערקיי וואס קומען איצט פאר אין לאנדאן. ריכטער בראנדייס, דר. וויז און ריכטער מעק פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע, זענען באאונרוהיגט פון די בעריכטען פון דרום־גרענעץ, קען באצייכענט ווערען אויפ'ן סמך פון סייקס־פיק געהיימען אפמאך וואס וועט אפנעמען ביי פאלעסטינא איהר נויטענדיגע וואסער און קראפט קוועלען אויפ'ן ליטאני טייך און אויפ'ן בארג הרמון.

אנדערע אנגעזעהענע לייט וואס האבען די זעלבע מיינונג בנוגע דער ראזינער פראגע זענען די מיניסטארען בעקער און דאניעלס, פרעזידענט עליאט און בוטלער, גאווערנארס לאודאן און שמיטה, בישאפ בערטש, קארדינאל גיבבאנס, דר. וואנדייק, בישאפ ווילסאן, השיימס מ. בעק און וויליאם ג. סק. אדא.

די דאזיגע אנגעזעהענע לייטע קריטיקירען די זאנענאנטע שטארקע ניגונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג, וועלכע פאדערט די לייזונג פון דער גרענעץ צווישען סיריען און פאלעסטינא אויפ'ן סמך פון'ם סייקס־פיקאט־אפמאך און באהויפטען אז „אזא גרענעץ וואלט געווען א פארלעצונג פון די היסטארישע גרענעצען פון'ם הייליגען לאנד דורך'ן צונעמען צו יריען א טייל פון דרום גליל“.

די אמעריקאנער פרעסע מאכט אויפמערקזאם, אז דאס אנגלעמען פון'ם סייקס־פיקאט אפמאך וואלט אוועקגערויבט פון פאלעסטינא איהר איינציגע וואסער קוועלע באאסערען און קראפט און די „ניו יארק פאסט“ ענדיגט: „דאס באצייכענען פון גרענעצען וואס רויבט פון פאלעסטינא איהר נויטווענדיגע נאטירליכע באדערפענים, דראהט צו קריפלען דעם גרויסען פראיעקט גלייך פון'ם אנהויב“.

היינט

צו די פרויען פון דעטראיט

פרויען: איהר האט געהאלפען בויען א בית יתומים, איצט איז אייער פליכט צו בויען א דעי נורסערי.

קומט היינט מאנטאג אווענד אין עטינגערס האל קאר. בענטאן און סט. ענטוויין צום מיטינג.

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט בילגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. אדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קיק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע אדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder Cherry 6203

גרויסע לייה־קאססע ווערט געעפענט אין ארץ ישראל

אויף א פארזאמלונג פון פיעלע ארץ ישראל'ער פראמינענטע פיהרער, אונטער דער פארזיץ פון הערר אוסישקין, אויף וועלכע עס זיינען באשפראכען געווארען געוויסע מיטלען ווי צו העלפען די ארבייטער און די קלענערע סוחרים אויף א געשעפטליכען אופן, איז באשטימט געווארען:

א. — גרינדען א לייה־קאססע מיט א קאפיטאל פון בערך צעהן טויזענד פונט, אונטער דער אויפזיכט פון דער אידישער באנק, וועלכע זאל, דורך הלואות, העלפען אנטוויקלען דעם קליינעם־קאמערץ אין די הויז אינדוסטריע.

ב. — דער ועד הצירים דארף שאפען 25 פראצענט פון דער נויטיגער סומע, דארף אויף זיך נעהמען די אחריות פון מעגליכען פארלוסט, און זיין ערב פאר א מינימאלער אינטערעם צאהלונג פון 5 פראצענט.

ג. — די לייה־קאסע וועט האבען אפטיילונגען אין אלע שטעדט, וועלכע וועלען פערוואלטעט ווערען פון קליינע לאקאלע קאמיטעס פון פיער.

איפט והונגען פון ועד הצירים אין ארץ ישראל

די פרעס ביורא פון דעם ועד הצירים אין ירושלים מעלדעט: אויף איינע פון זיינע לעצטע זיצונגען האט דער ועד הצירים באשלאסען:

א) צו באזועצען זעכציג פון די באפרייטע לעגיאנערע אין גליל העליון, צו צוואנציג אין די קבוצות פון גלעדי, תל חי און חמרה.

ב) צוריק אויפבויען די פון מלחמה צעבראכענע הייזער אין גבעת שאול.

ג) עפענען אין ירושלים פינף מאנאט'דיגע קורסען פאר סורווייער, אונטער דער אויפזיכט פון אינזשענעיר קרויזה.

ד) שטיצען דעם ירושלים'ער בית העם מיט א האלב פון זיין בודזשעט.

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמעריקאנער דאלערס

2061

ציוניסטישע נייעס פון דער גאנצער וועלט

בעוועלדערן ארץ ישראל

דער אידישער נאציאנאל פאנד האט מיט א קורצער צייט צוריק אנגעפאנגען די ארבייט פון באוועלדערן גרויסע שטרעקעס לאנד ארום זייגע קאלאניעס און פארמס.

אין בן שמן איז פארפלאנצט געווארען 230 דונאם פיכטען ביימער.

אין הולדה, 80 דונאם קאזוארינער ביימער.

ראשון לציון און נחלת יהודה, 500 דונאם פון די זאמד בערג, אקאליפטוס ביימער און געוויסע פלאנטאציעס, צווישען זיי דער "אמאפילא ארענאריא," וועלכער האלט איין דעם זאמד.

אין באר טוביה, 380 דונאם אקאליפטוס ביימער.

אין מרחביה, 150 דונאם אקאליפטוס און קאזוארינער ביימער.

אין דגניה, 50 דונאם אקאליפטוס ביימער.

אין כנרת, 110 דונאם אקאליפטוס און פיכטען ביימער.

אין כפר מל"ל, 165 דונאם אקאליפטוס ביימער.

אויפ'ן הר הכרמל, 50 דונאם פיכטען ביימער.

אין קלנדיה, 85 דונאם סאסנאווע ביימער.

די ארבייט ווערט דורכגעפיהרט דורך עטליכע ארבייטער קבוצות, אונטער דער אויפזיכט פון דעם אגריקולטור און קאלאניזירונג דעפארטמענט אין דעם ועד הצירים.

גרויסע לייה-קאססע ווערט געעפענט אין ארץ ישראל

אויף א פארזאמלונג פון פיעלע ארץ ישראל'ער פראמינענטע פיהרער, אונטער דער פארזיץ פון הערר אוסישקין, אויף וועלכע עס זיינען באשפראכען געווארען געוויסע מיטלען ווי צו העלפען די ארבייטער און די קלענערע סוחרים אויף א געשעפטליכען אופן, איז באשטימט געווארען:

א. — גרינדען א לייה-קאססע מיט א קאפיטאל פון בערך צעהן טויזענד פונט, אונטער דער אויפזיכט פון דער אידישער באנק, וועלכע זאל, דורך הלואות, העלפען ענטוויקלען דעם קליינעם קאמער'ץ און די הויז אינדוסטריע.

ב. — דער ועד הצירים דארף שאפען 25 פראצענט פון דער נויטיגער סומע, דארף אויף זיך נעהמען די אחריות פון מעגליכען פארלוסט, און זיין ערב פאר א מינימאלער אינטערעס צאהלונג פון 5 פראצענט.

ג. — די לייה-קאססע וועט האבען אפטיילונגען אין אלע שטעדט, וועלכע וועלען פערוואלטעט ווערען פון קליינע לאקאלע קאמיטעטן פון פיער.

אויפטוהונגען פון ועד הצירים אין ארץ ישראל

די פרעס ביורא פון דעם ועד הצירים אין ירושלים מעלדעט: אויף איינע פון זיינע לעצטע זיצונגען האט דער ועד הצירים באשלאסען:

א) צו באזעצען זעכציג פון די באפרייטע לעגיאנערע אין גליל העליון, צו צוואנציג אין די קבוצות פון גלעדי, תל חי און חמרה.

ב) צוליב אויפבויען די פון מלחמה צעבראכענע הייזער אין גבעת שאול.

ג) עפענען אין ירושלים פינף מאנאט'דיגע קורסען פאר סורוייער, אונטער דער אויפזיכט פון אינזשעניער קרויזה.

ד) שטיצען דעם ירושלים'ער בית העם מיט א האלב פון זיין בודזשעט.

ציוניזם אין מצרים

אין קאירא האט זיך לעצטענס געגרינדעט א ציוניסטישער קאמיטעט, וואס האט פאר זיך די אויפגאבע צו פארשפרייטען דעם ציוניזם אין די העברעאישע שפראך צווישען די דארטיגע אידען.

לעצטען מאנאט האט די קאיר'ער אידישע קהלה פאררופען א מאסען-פארזאמלונג, אויף וועלכע עס איז ערוועהלט געווארען א נייער ועד, און עס איז באשלאסען געווארען דאס די ארבייט פון דער קהלה, וואס איז ביז איצט געפיהרט געווארען אין אראביש, זאל אין דער צוקונפט געפיהרט ווערען אין העברעאיש.

נייע רעקרוטען פאר'ן אידישען לעגיאן אין ארץ ישראל

אין ארץ ישראל וועט מען נאך אין גיכען אנפאנגען ענליסטען נייע וואלונטירען פאר דער שטעהענדער אידישער ארמעע, וועלכע וועט אויפפאסען אויף דער ארדנונג אין לאנד.

גרעסערע לוין פאר אידישע ארבייטער אין פתח תקוה

די פרעס ביורא פון דעם ועד הצירים אין ירושלים מעלדעט:

אויף א קאנפערענץ אין פתח תקוה פון פארשטעהער פון ועד הצירים, פון די ארבייטער און פון די קאלאניסטען, אויף וועלכער עס איז באשפראכען געווארען די פראגע פון אידישער ארבייט אין דער קאלאניע, איז מען ענדליך געקומען צו א פארשטענדניס און פאלגענדע רעזאלוציעס זיינען אנגענומען געווארען:

א — די קאלאניסטען צאהלען די אידישע ארבייטער מיט 25 פראצענט מעהר איידער די פריערע ארבייטער.

ב. — א קאמיטע פון ארבייטער און קאלאניסטען וועט שליכטען אלע פראגען און וועט זעהן ארייננעהמען וואס מעהר אידישע ארבייטער אין די פאקטישערענע ארבייטען אין דער קאלאניע.

ג. — די קאמיטע וועט ארויסהעלפען מיט הלואות די אלע אידישע ארבייטער וועלכע ווילען ארבייטען פאר זיך.

"עשתרות" געזעלשאפט אין ארץ ישראל

אין ארץ ישראל האט זיך לעצטענס געגרינדעט אן אקציאנס געזעלשאפט מיט'ן נאמען "עשתרות", וועמענס צוועק עס איז צו האדעווען שאף אויף דעם "הר כנען", וועלכער איז זעהר א גוטער פאשע פלאץ. מען האט שוין דארט אנגעפאנגען בויען הייזער און פלאנצען וויין בוימער.

קורסען אין ביהנען האדעווען

די אגריקולטור ארגאניזאציע פון ארץ ישראל האט ערעפענט אין מקוה ישראל קורסען פאר ביהנען האדעווען אונטער דער אויפזיכט פון הערר ליפשיץ. דער קורס איז א צוויי וואכיגער.

נייער העברעאישער וואכענשריפט "הבמה" אין ירושלים

אונטער דער רעדאקציע פון דעם באוואוסטען העברעאישען זשורנאליסט ה' א. י. שירמאן, וועט אין ירושלים אין גיכען אנהויבען ערשיינען א נייער העברעאישער אונפארטייאישער וואכענשריפט מיט'ן נאמען "הבמה".

נייער שטאדט גארטען אין ירושלים

די געזעלשאפט "פרי ירושלים" האט אנגענומען די ארבייט פון פלאנצען אין ירושלים א נייעם שטאדט גארטען.

ציוניזם אין ניוזעלאנד

די אידישע קהלה פון ניוזעלאנד, וועלכע צעהלט ארום 2,200 נפשות, האט אונטער דער אויפזיכט פון דער אקלאנדער ציוניסטישער ארגאניזאציע, פון וועלכער האן. מייערס, אמוניציאן, און סופליי מיניסטער, איז פרעזידענט, אנגעפאנגען א קאמפיין פאר'ן גאולה פאנד. זיי ערווארטען צו שאפען ביז 2,000 פונט, א העלפט פון דיזער סומע איז שוין אפגעשיקט געווארען נאך לאנדאן.

איז לאזט איבער 10 טויזענד דאלאר פאר ארץ ישראל

מען איז אונז מודיע, אז דער באקאנטער ציוניסטישער כלל טוער טוביה גארדאן פון דולוטה, מינעסאטא, איז געשטארבען און זונטאג דעם 29טען פעברואר באערדיגט געווארען אין סט. פאול, מינעסאטא. פאר זיין טויט האט דער פארשטארבענער ניט פארגעסען אז זיין אידעאל און איבערגעלאזען אין צואה 10 טויזענד דאלאר פאר מעדיצינישע אונטערזוכונג אין ארץ ישראל. דאס געלט וועט פון זיין אלמנה, פעני גארדאן, באלד איבערגעשיקט ווערען צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקא. זיין טויט ווערט פון זיינע פריינד אין באקאנטע פון סט. פאול און דולוטה שטארק באדויערט.

ציוניזם אין איטאליען

לעצטען פעברואר האט אין פלארענס, איטאליע, שטאטגעפונען די ערשטע זיצונג פון דער ניי ערוועהלטער קאמיטעט פון דער פלארענס'ער קהלה. די זיצונג איז ערעפענט געווארען מיט רעדען אין העברעאיש פון דעם פרעזידענט [illegible] אין דער רב הכולל [illegible]. די פאלגענדע רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען:

"די אידישע קהלה פון פלארענס וועט שטעהן אין שטענדיגער פארבינדונג מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און וועט אויספאלגען אלע איהרע אינסטרוקציעס. די קהלה פיהרער וועלען אויפגעפאדערט ווערען צו שטיצען און אנפיהרען די ציוניסטישע ארבייט."

ציוניזם אין עסטאניא

לעצטען פעברואר איז אין רעוועל פארגעקומען א קאנפערענץ פון די עסטאנער ציוניסטען. עס איז באשלאסען געווארען אנצופיהרען א קאמפיין פאר דעם גאולה פאנד.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון רעוועל האט געפייערט די ערעפענונג פון'ם קאמפיין. עס איז באשלאסען געווארען צו אנפאנגען א "גאלד גאולה קאמפיין". פיעלע ווערטהפולע צירונגען זיינען אויפ'ן פלאץ אפגעגעבען געווארען פאר דעם פאנד.

בית משפט השלום אין חברון

פיהלענדיג דעם גרויסען מאנגעל אין א יורידישען אנשטאלט, האבען חברון'ער אידען אויפגעפאדערט זייער ניי ערוועהלטען "ועד העיר" צו שאפען אזא אנשטאלט אין חברון. דער ועד העיר האט אויפגענומען די איניציאטיווע און דורך דער הילף פון הערר אוסטער, פון ירושלים, דארט געגרינדעט א "בית משפט השלום".

מינסקער חלוצים גרייטען זיך צו פאהרען נאך ארץ ישראל

אין מינסק איז צונויפגעשטעלט געווארען א גרויסע ליסטע פון חלוצים, וועלכע זיינען גרייט אין נאר א קורצער צייט אפצופאהרען נאך ארץ ישראל. קלענערע גרופען חלוצים פון באברויסק און סלוצק האלטען זיך גרייט צו פאהרען קיין ארץ ישראל גלייך נאך פסח.

ציוניסטען זיעגען אין די קהלה וואהלען אין מינסק

אין די לעצטע וואהלען פאר ראטהסמענער פאר דער מינסקער קהלה, האבען די ציוניסטען געקראגען די גרעסטע פארטרעטערשאפט.

פועלי ציון ראדיקאל קלאב אין מינסק געשלאסען

דעם 15-טען יאנואר האט די מינסקער פאליציי אין דער באגלייטונג פון סאלדאטען געמאכט אן אונטערזוכונג אין דעם פועלי ציון ראדיקאלען קלוב, [illegible]

ציוניזם אין שפאניען

אויף דער איניציאטיווע פון פראפעסאר יהודה, האט זיך אין בארסעלאנא שפאניען, געגרינדעט א ציוניסטישע ארגאניזאציע, וועלכע שליסט אויך איין די אידען פון דער שפאנישער מאראקא.

די נעמען פון די 28 באפרייטע לעגיאנערן

די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט היינט בעקראגען צוגעשיקט פון ארץ ישראל די ליסטע נעמען פון די 28 פאר'משפט'ע לעגיאנערן פון'ם 39טען "רא-יאל פיוזיליערס", וועלכע זענען לעצטענס באפרייט געווארען.

ווי באוואוסט זענען זיי לעצטען זומער פאר'משפט געווארען אויף דער קלאגע פון "מיוטיני" צו פינף יאהר "פענאל סערוויטוד", זייער שטראף איז דאן פארקלענערט געווארען צו א יאהר, און זיי זענען אפגעשיקט געווארען אין דער מיליטערישער תפיסה אין ציטאדעל, קאירא. זייער אויפפיהרונג פון איין זייט און די גרויסע השתדלנות פון צווייטער זייט האט געבראכט דערצו אז זיי זענען אין גאנצען באפרייט געווארען און צוריק געשיקט געווארען אין קעמפ.

זיי וועלען נאך דארפען צוליעב געוויסע אורזאכען פארבלייבען א פאר מאנאט אין קעמפ, ביז זיי וועלען דעמאבילעזירט ווערען.

מען ערווארטעט דאס די 21 פאר'משפטע לעגיאנערן פון'ם 38טען ר. פ. וועלכע זיצען יעצט א צוויי יאהר טערמין אין תפיסה, וועלען אויך אין גיכען באפרייט ווערען.

די נעמען פון די באפרייטע לעגיאנערן זענען:

מ. גאלדמא, מ. ווייץ, ה. אייזענשטיין, י. קאליש, ה. בארקען, ד. פלענקעל, י. פעלדמאן, י. הורוויץ, ג. זאראווסקי, סאמאסטאנסקי, י. טאנרעס, י. גונשאר, פ. פינקעלשטיין, ה. האראוויץ, א. שערעניץ, ב. לעווינטאן, ב. באסס, ס. רעזניק, ס. ה. לאזר, ב. פעלדמאן, מ. קליין, ב. חייטמאן, י. פארמאן, פ. ערמאן, ב. מארדכאוויטש, א. סינגער, י. ליכטענשטיין, י. קוק.

די באפרייטע לעגיאנערן האבען צוריקגעקערט אין קעמפ דעם זעלבען טאג וואס דער הויפט קאמאנדיר פון דער ע. ע. פ. האט אפיציעל עמפפאנגען דעם "פוירסט רושודיענס"; זיין צופרידענהייט מיט דעם באטאליאן האט אין קעמפ ארויסגערופען די גרעסטע שמחה זייט דער לעגיאן עקזיסטירט.

גאולה קאמפיין אין סאן פראנציסקא אנגעפאנגען

לעצטען זונטאג, דעם 14טען מערץ, איז אויף א גרויסער מאסענפארזאמלונג פון סאן פראנציסקאער אידען, וועלכע איז ארגאניזירט געווארען פון'ם מייאר פון שטאדט. דער ווייס טשערמאן פון הערקראס און פיעלע אנדערע פראמינענטע רעדנער, ערעפענט געווארען דער קאמפיין פאר דעם צעהן מיליאן דאלאר גאולה פאנד. צוויי און דרייסיג טויזענד דאלאר איז אויפ'ן פלאץ געזאמעלט געווארען אין קעש און פלעדזשעס.

ביכער פאר דער העברעאישער אוניווערזיטעט

אין א בריעף צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון אמעריקא, מעלדעט מר. י. ג. ראבסוואג, סעקרעטער פון דער "דזשואיש פובליקיישאן סאסייעטי אוו אמעריקא", דאס זיי האבען באשלאסען צו פרעזענטירען דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, מיט קאפיעס פון אלע זייערע אויסגאבען. די ביכער וועלען אפגעשיקט ווערען נאך ארץ ישראל מיט דער ערשטער געלעגענהייט.

בצלאל מוזעאום קריגט פיעלע אנטיקען

דער "בית הנכאת בצלאל" פון דער בצלאל קונסט שולע אין ירושלים, האט לעצטענס אריינגעקראגען פיעל נייע ווערטפולע אנטיקען.

הערר אוסישקין האט פאר דער אפטיילונג "ציון" געשענקט פיעלע דאקומענטען, אן אלבום, און א האמער פון די ציוניסטישע קאנגרעסען און צוויי אלטע מטבעות. לעווין-עפשטיין האט געשענקט א צאהל פאפיער געלד פון רחובות.

דר. טיכו, 150 אראבישע קאמייעס.

קאלאנעלס מארגאלין און פעטערסאן פאר דעם לעגיאן אפטיילונג, צוויי קאנאנען, א הוט און פלעגס.

מר. נור אריה, גענעראל אלענבי'ס בילדער אויסגעהאקט אין ביין. און נאך א צאהל אנטיקען פון פארשידענע לייטע-

א בריעף פון שליח פון אוקראינער פערבאנד

(דער ערשטער בריעף פון מ. קאהן)

ערשט אין טאג איבער ווי איך בין אנגעקומען היין לאנדאן. מיין שיף האט זיך פארשפעטיגט אויף מעהר ווי מען האט אפילו אונטער די איצטיגע אומשטענדען גערעכנט ערווארטען. מיין ערשטער בריעף וועט איך ערשט שרייבען וואהרשיינליך אין א טאג צוויי אדער צוועלף ארום. דאס הייסט א היבשע צייט שוין נאך דער קאנווענשאן. איך ווייס איך יענע גרויסע האפנונגען, אין דער צייט ווען איך שרייב. אבער ווען איהר וועט לעזען דיזען בריעף וועט דאך שוין זיין נאך די רעזאלוציעס פון דער קאנווענשאן און פון היגע רעזולטאטען. הענגט דאך אפ די גאנצע ארבייט וואס דער פערבאנד האט צוגעשטעלט. איך שרייב איך אין דער האפנונג אז עס וועט זיך אנ- הייבען א געזונטע פראקטישע טהעטיג- קייט וואו עס וועט זיין פלאץ און זיין נייטיג ניט זיין פאר דיסקוסיעס, וואו עס איז אן אומזיסטע פארשווענדונג פון כחות, וועלכע מוזען באנוצט ווערען פאר רעטונגס ארבייט און נאר פאר רעטונגסארבייט אויף דעם פערנינפטיגסטען און פראקטישסטען אופן.

מיין אפיציעלער רעפארט בעשטעהט פארלויפיג אין דעם: איך האב געקליבען ערווייזע גלייך ביי מיין אנקומען דא גע- טראפען דעם סיום פון די זיצונגען פון דעם ציוניסטישען גרעסערען אקציאנס- קאנפערענץ. דאס האט מיר געגעבען א געלעגענהייט צו האבען בעראטהונגען מיט דר. כהן בערנשטיין און דר. אויערבאך און דר. האלעב פון קאנסטאנטינאפעל און נאך מיט פיעלע פראמינענטען אויף וועלכע דאס איז נוגע צו די פרא- גען פון אונזער ארבייט. איך האב שוין אויך געהאט א געלעגענהייט צו האבען א בעראטהונג מיט ה. מארטישין דער פארשטעהער פון די רוסישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען. די ראגע איז זעהר א פערוויקעלטע און בעצוג פון אויס- לייבען דעם געלד. אבער ביי מיר איז נאך אלע בעראטהונגען פעסט בעשלא- סען צו פאהרען נאך קאנסטאנטינאפעל. אבוואהל עס זיינען פארהאן אייניגע אז הויך פייער זאל איך גיכער זיין און אפענער יעגן אין באלשעוויסטישע טהיי- לען פון אוקראינע, ווייל מען ערווארטעט אז דארט זאל געשלאסען ווערען פיע- הייבט נאכן ניך. א פריעדענס-אפמאך. עס זיינען פארהאן אויך אזעלכע אויסזיב- טען, דאס הייסט אויף דיזעלבע גרינדע, אריינצופירען דורך רעוועל, אבער אזוי ווי די אנדערע שלוחים פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האבען זיך פער- נומען אויף דיזע וועגע, מוז מען דאך פרובירען א נייעם וועג ווען אפילו פער- בונדען מיט די גרעסטע שוועריגקייטען, און בפרט אז די גרעסטע צאהל פון די קוועסטשאניערס אויף וויפיעל איך בין אין זיי בעקאנט זענען פאר יענע געגענ- דען צו וועלכע איך מוז גרייכען דורך אדעס אדער נאוואראסיסק דערצו און דאס איז דאך פון דער גרעסטער איבער- טייטקייט דער אומשטאנד, וואס קיין קאנסטאנטינאפעל זענען דאך געלאפען אן אינגעהויערע צאהל פליכטלינגע פון יענע שטעדט וואו די פאגראמען האבען געבושעוועט אם שוידערליכסטען. ניט נאר קאן איך טרעפען דארט פיעלע פון די פאמיליען צו וועלכע עס ווענדען זיך די קוועסטשאניערס נור אויסקונפט פון ערשטער האנד. און אויב די איבערזיכטען אויף שלום מיט דעם באלשעוויסטישען טהייל זאל זיך פארווירקליכען, דאן וועט זיך דאך לאזען תיכף ומיד צו מאכען פערבינדונגען. מיינע בעראטהונגען און אויסקינפטע האבען מיך געפיהרט צו דיזע שליסע. איבערהויפט וועט קאנסטאנ- טינאפעל מוזען ווערען א צענטער פאר דער טראנספארטירונג פון נויטווענדיגע זאכען נאך זידרוסלאנד.

איך האב דא שוין געמאכט די נויטיגע ארראנזשירונג פאר שיקען קייבעלס אויף פרעסידייטס און האב איינגעלעגט דא צעהן פונט אויף חשבון. דאס איז אבער א זעהר קליינע סומע פראפארציא- נעל און אזוי גיך ווי איהר וועט קריגען א קייבעל פון דער לאנדאנער קארעספאנ- דענץ ביורא אז מען דארף נאך סומען, מוזט איהר זאפארט פער קייבעל שיקען די געפאדערטע סומע. איך גלויב אז איך דארף דאס ניט נאך שטארקער אונטער- שטרייכען. די נויטווענדיגקייט, איז א זעלבסט פערשטענדליכע.

דארף איך אייך בעטען אז אויב איהר האט דאס נאך ניט געטהאן זאלט איהר דאס זאפארט טהאן און ארויסשיקען די נויטיגע סומע וואס האט געפעהלט פאר מיין אוועקפאהרען אז עס מעגליך א גרעסערע וואלט אודאי אין אודאי געווען א שכל, כדי עס זאל מיר קיינע מניעות ניט זיין מצד דעם. איך גלויב אז איך דארף דאס אייך נישט אונטערשטרייכען, ווייל דאס איז אזוי זעלבסט-פערשטענד- ליך. אויב נויטיגע סומען קאנען ניט גע- שאפען ווערען, טאר מען דאך גארניט אונטערנעמען די ארבייט ווייל די אחריות פאר דער זאך דא איז דאך אזא גרויסע.

נאך אין א פאר טעג ארום וועל איך זיין פארטיג מיט די פארשיעדענע וויזי- רונגען פון מיין פאספארט. עס געהען דאך איצט אן ערשט סכסוכים אין פריע- דענס קאנפערענץ וועגען קאנסטאנטינא- פעל. איז א פראגע פון וועמען מיין פאס- פארט דארף פאר דארט וויזירט ווערען. [illegible]

דא זיין א קאנפערענץ פון אוקראינער אידען, און איך וויל זעהען וואס דא קען אויפגעטהאן ווערען. אויפגענומען בין איך דא געווארען פון די אלע גדולים מיט העכסטע פריינדשאפט און מיט דער בערייטקייט פון זייער זייט צו העלפען מיט ראטה און טרחא. וואס דאס העלפט מיר שנעל צו ארענטירען זיך און פאר- טיג ווערען מיט וואס איך דארף.

אויב איהר האט מיר נאך ניט אויף איר- גענד וועלכען אופן ניט ארויסגעשיקט די פעהלענדע סומע, דאן איז דאס בעס- טע איהר זאלט דאס טהון גלייך ווי איהר ערהאלט דיזען בריעף און קייבלען דאס געלד קיין פאריז אויף דעם נאמען פון דער אידישער דעלעגאציאן צו דער פריע- דענס-קאנפערענץ.

זעלבסטפערשטענדליך אז אויף דעם זעלבען אדרעס זאלט איהר קייבלען אייערע וועלכע אינסטרוקציאן, וואס איהר האלט פאר נויטיג מיר צו געבען.

אין דער האפנונג אז אלעס וועט צו- געהן ווי אם בעסטען און מיט פריינד- ליכסטען גרוס צו אלעמען

איבערגעבענסט

אייער, מ. קאהן

די צוקונפט פון פאלעסטינא

דער לאנדאנער "דיילי טעלעגראף" האט באקומען פאלגענדען טעלעגראם פון איהר ניו-יארקער קארעספאנדענט:

די אמעריקאנער געזעלשאפטליכע קרייזען פאלגען נאך מיט'ן גרעסטען אינטערעס די פאלעסטינא-פראגע און די אונטערהאנדלונגען בנוגע דעם אפמאך מיט טערקיי וואס קומען איצט פאר אין לאנדאן. ריכטער בראנדייס, דר. ווייז און ריכטער מעק פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע, זענען באאונרוהיגט פון די באריכטען פון דרום-גרענעץ, קען באצייכנט ווערען אויפ'ן סמך פון סייקס-פיקא געהיימען אפמאך וואס וועט אפנעמען ביי פאלעסטינא איהר נויטווענדיגע וואסער און קראפט קוועלען אויפ'ן ליטאני טייך און אויפ'ן בארג חרמון.

אנדערע אנגעזעהענע לייט וואס האבען די זעלבע מיינונג בנוגע דער ראזוי- נער פראגע זענען די מיניסטארען בעקער און דאניעלס, פרעזידענט עליאט און בוטלער, גאווערנארס לאודאן און שמיטה, בישאפ בערטש, קארדינאל גיבבאנס, דר. וואנדייק, בישאפ ווילסאן, דזשיימס מ. בעק און וויליאם נ. סק. אדאמ

די דאזיגע אנגעזעהענע לייטע קרי- טיקירען די זאגענאנטע שטארקע נייגונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג, וועלכע פאדערט די לייזונג פון דער גרענעץ צווי- שען סיריען און פאלעסטינא אויפ'ן סמך פון'ם סייקס-פיקאט אפמאך און באהויפ- טען אז "אזא גרענעץ וואלט געווען א פארלעצונג פון די היסטארישע גרענעצען פון'ם היילינגען לאנד דורך'ן צונעמען צו סיריען א טייל פון דרום גליל."

די אמעריקאנער פרעסע מאכט אויפ- מערקזאם, אז דאס אננעמען פון'ם סייקס- [illegible]

היינט

צו די פרויען פון דעטראיט

פרויען: איהר האט געהאלפען בויען א בית יתומים, איצט איז אייער פליכט צו בויען א דעי נורסערי.

קומט היינט מאנטאג אוונד אין עטינגערס האל קאר. בענטאן און סט. ענטווין צום מיטינג.

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס
מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder Cherry 6203

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

400 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע- ריקאנער דאלארס

קעדילאק 2061

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג איז מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמאָרגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פּאָבלישינג קאָמפּאני, אינקאָרפּאָרייטעד
הויפּט אָפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראָיט, מיש. טעלעפאָן: מעין 3715.

מאָנטאג דעם 22טען מארטש, 1920

א דעי נוירסערי פאר דעטראָיט

פון ב. י. ג—ן

איך בין אנומעלטען געווען אין דעם ניי געגרינדעטען בית יתומים.

איך האב מיינע איינדריקע באשריבען אויף אן אנדער פלאץ אין דיע־זער צייטונג. איך האב זיך נישט אפגעשטעלט אויף קיין איינצעלהייטען ווייל מיין צוועק איז געווען נישט צו באשרייבען קיין איינצעלהייטען און אויספיהרליכע בילדער פון דעם בית יתומים. נאר די מאטעריעלע לאגע פונם בית יתומים האט מיך אינטערעסירט.

איך האב דערים איבערגעלאזט פיעלע ריהרענדע סצענעס. וואס איך האב דארטען בייגעוואוינט און מעהר ריהרענד פון אלע אנדערע — דאס טרויעריגע בילד פון א צוויי יעהריג אינגעלע.

ווי אזוי קומט א צוויי יעהריג קינד אינם בית יתומים?

עס איז נישט ערלויבט לויט'ן געזעץ, אזעלכע קינדער אריינצונעה־מען אין א בית יתומים. א קינד אונטער פיער יאהר אלט טאר נישט זיין אין אזא אנשטאלט, נאר אין אן אנדערען — א ספעציעלער אנשטאלט פון קליינע קינדער און עופה'לעך.

עס זיינען אבער אזוי נאבעל געווען די אייפּאסער פונם בית יתומים, מר. און מרס. ראבינאוויטש און האבען דאס קינד אדאפטירט.

און דאס קליינע אומגליקליכע יתום'ל איז גליקליך אצינד. עס האט גוטע און געטרייע מאמע־טאטע.

האב איך געקוקט אויף דעם קינד און דאס הארץ איז מיר צעריסען געווארען פון צער.

שטעלט זיך פאר א יתום'ל צוויי יאהר אלט. און קלוג איז עס; און עס רעדט שוין עטליכע ווערטער; און עס מאכט „המוציא"; און עס זאגט „מודה אני"; און עס באגריסט אייך — מיט איין ווארט: א קלוג קינד. א חיות דעריף צו קוקען; נאר — אן אומגליקליכס. פון א גוי'אישער היים האט מען דאס ארויסגעראטעוועט.

צוויי יאהר איז עס אלט.

גאט מיינער, ווי גליקליך איז מיין קינד געווען און זיין צוויי יעהרי־גען עלטער! — דאס איז געווען מיין ערשטער געדאנק, ווען איך האב דאס יתום'ל געזעהן איבערן קעפיל — מיין קינד האט טאטע מאמע גע־האט, און אלע קאפּריזען האט מען דעם נאכגעגעבען, און געצערטעלט האט מען דאס, און גוטע רייד האט עס געהערט.

און דא? — — —

א צוויי יעהריג יתום'ל.

און, ווי געזאגט, איז נאך דאס קינד גליקליך דערמיט וואס עס האט געקראגען אזא גוטע געלעגענהייט.

און וויפיעל נאך זיינען פאראן פאר'יתומ'טע קינדער וועלכע האבען נישט דאס גליק אדאפטירט צו ווערען פון גוטע מענשען?

און ווי, גלויבט, האט זיך דאס אידישע יתום'ל, דאס עופה'לע גע־פלאגט איידער מען האט עס אדאפטירט? ווער ווייס ווער זיינע ער־ציהער זיינען פריהער געווען!

עס איז זיכער אז איצט וועט דאס קינד ערצויגען ווערען ווי געהער־ריג. אבער וואס וואלט געווען ווען אונזערע פרויען זאלען נישט געווען בויען קיין בית יתומים, ווען זיי וואלטען זיך נישט געווען געמיהעט אזוי שווער, און זיי וואלטען נישט געעפענט די טירען פאר יתומים און זיי וואלטען זיך נישט געווען אנגעשלאגען אויף דעם פאל מיט דעם צוויי יעה־ריגען אידישען יתום'ל?

וואס וואלט געווען?

און איהר מאהלט זיך א בילד א פינסטערס, א גיהנום'דיגעס: ווער ווייס? אפשר וואלט זיך דאס אומגליקליכע אידיש אינגעלע געווען גע־וואלגערט ערגעץ אין א קריסטליך היים צווישען אנדערע קריסטליכע אינג־לעך; אפשר וואלט זיין קריסטליכער ערציהער געווען גרויזאם צו דעם אידישען יתום; אפשר...

וואס וואלט געווען, ווען דער בית יתומים זאל נישט געווען זיין?

און וואס איז א י צ ט ע ר מיט די יתומים און יתומות אונטער פיער יאהר אלט? וואו וואלגערען זיך די אידישע עופה'לעך, ביי וועלכע דאס פינסטערע מזל האט צוגערויבט דעם טאטען צי די מאמע?

אט דיזע פראגע האבען זיך געמוזט שטעלען די פרויען וואס זיינען פריהער טעטיג געווען ביים בית יתומים.

און זיי האבען איין ענטפער געקראגען אויף דיזע פראגע:

גרינדען א אידישע דעי נוירסערי און אריינגעהמען אהין די קליינע יתומים'לעך אונטער פיער יאהר אלט, געבען זיי א היים געבען זיי א אי־דישע השגחה.

ווער נאך קען דען פיהלען דעם צער פון א פיצעלע קינד, ביי וועלכען דער טויט האט אוועקגעריסען די מאמע, אויב נישט די אידישע פרוי?

און די דאזיגע רחמנות'דיגע פרויען פארזאמלען זיך היינט אין עטינ־גער'ס האל.

גם איז די היילינסטע פליכט זיי צו אונטערשטיצען. און זעהן אז זייער אנגעהויבענע ארבייט זאל געקרוינט ווערען מיט ערפאלג און זאל אין גיכען אויסגעפיהרט ווערען מכח אל הפועל.

29 טויזענד אידישע פאגראם - קרבנות אין אוקראינע.

(דער ניוּיאָרקער קארעספּאנדענט פונ'ם לאנדאנער איד. קאר. ביוּראָ איז מודיע):

פּרעזידענט ווילסאן האט געכטען (דעם 12־טען יאנואר) איבערגעשיקט צום סענאט אויסצוגע פון א באריכט וואס איז אבגעגעבען געווארען פון דעם אמעריקאנער גענעראל דזשאדווין, וועל־כער האט געמאכט אן אונטערזוכונג פון די מאסען־שחיטות אויף אידען אין אוק־ראינא.

גענעראל דזשאדווין גיט אן אלס די הויפט אורזאכע פאר די פאגראמען די פּאליטישע באריכטען וועגען דעם, אז די אי־דען זיינען די הויפטפיהרער און די פּאר־טיידיגער דארטיגע באלשעוויסטישע באַ־וועגונגען. דער באריכט זאגט, אז פיע־לע טויזענדער אידען זיינען ערמארדעט געווארען, ניט איבערלאזענדיג נאך זיך א וועלכען עס איז סימן. די צאהל וואס דער באריכט גיט אן מיז דאריבער באַ־טראכט ווערען אלס דער מינימום, די צאהל פון 29.000 אידישע קרבנות, וואס זענען געפאלען ביז דעם 9טען סעפטעמ־בער ווערט דארט אנגעגעבען.

צווישען די באנדיטען וואס האבען אר־גאניזירט די פאגראמען באנדעס ווערען אנגעגעבען די נעמען פון פעטלורא, גרי־גאריעוו, סטראק, זעליאני, און סאקאלאוו מאסען אידען זיינען אויסגעקוילעט גע־ווארען אין א פּאגראם אין פאסטאוו און אין קיעוו.

גענעראל דזשאדווין באמערקט צום שלום פון זיין באריכט פאלגענדעס:

„דערפאקט דאס טראצקי, בעלא קון און פיעלע אנדערע זיינען אידען, צוזא־מען מיט דעם פאקט האס די רוסען זיי־נען נישט געווען צוגעוואוינט צו זעהן פיע־לע אידען אלס הויכע באאמטע האט דאס געגעבען א גרונד פאר פראפאגאנ־דא צו באשולדיגען די אידען אין באל־שעוויזם מעהר ווי עס איז דער אמת".

גענעראל דזשאדווין איז געווען א מיטגליעד פון דער מארגענטהוי קאמי־סיע אין פּוילען. נאכדעם ווי די קאמי־סיע איז פארטיג געווארען מיט פּוילען איז דער גענעראל אבגעפארען נאך אוק־ראינא וואו ער איז פארבליבען א לענ־גערע צייט.

גענעראל דזשאדווין האט מיט זיך גע־בראכט א ליסטע פון 10.712 נעמען פון אידישע קדושים אין אוקראינא. ער האט אויך א ליסטע פון שטעט און שטעט־לעך אין וועלכע עס איז פארגעקומען שחיטות.

פּרעזידענט ווילסאן האט די אינפאר־מאציע וועגען די אידישע שחיטות אין אוקראינא צוגעשטעלט צום סענאט אלס ענטפער פון דער רעזאלוציע פון סענא־טאר ספענסער, א רעפּובליקאנער.

סענאטאר ספענסער, רעזאלוציע האט געפאדערט פון דער רעגירונג אלע איינצעלהייטען וואס זי ווייס וועגען די שחיטות אויף די אידען אין אוקראינא.

א זיצונג פון „הבונה"

דעם 22טען יאנואר איז אין דער בעמיועל מאנטאניו באנק, לאנדאן, אב־געהאלטען געווארען א פארזאמלונג אין צוזאמענהאנג מיט דער נייער פּאלעסטי־נער בירגעזעלשאפט „הבונה". אין דער פארזאמלונג וועלכער איז פארגעקומען אונטער'ן פארזיץ פון סיר סטיוארט סעמיועל האבען זיך באטייליגט: מר. ב. גאָרבערג, מר. מ. שאליט, דר. רעדקליף סאלאמאן, מר. א. האוויט, מר. מ. ראזענ־בערג מר. בערמאן, מר. מ. קארטאן און דער סעקרעטאר פון געזעלשאפט מר. י. ארשאווסקי.

עס איז באהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען דער ענטוויקלונג און די צוקונפטיגע אויסזיכטען פון דער געזעל־שאפט און ס'איז באשלאסען געווארען גלייך צוטרעטען צו דער ענערגישער אר־בייט און שטעלען זיך אין פארבינדונג מיט טעכנישע פאך לייט, וועלכע זאלען געבען זייער ראט בנוגע אלע אונטער־נעמונגען אין פאלעסטינא.

עס איז אנגענומען געווארען א רע־זאלוציע אז אלע אנוועזענדע זאלען זיך פאראייניגען אין א קאָפּערשאפט מיט סיר סטיוארט סעמועל אלס פארזיצער דער וואס זאל קאנטראלירען די ענט־וויקלונג פון „הבונה" געבען איר ראט אין טעכנישע און פינאנציעלע ענינים א. אז. וו.

לסוף. איז באשלאסען געווארען צו פערופען דעם 28טען יאנואר א צוויי־טע פארזאמלונג ווען דער טעכנישער פּלאן פון דער געזעלשאפט'ס טעטיג־קייט וועט באהאנדעלט ווערען.

מזרחי לעהרער סעמינאר אין ירושלים.

דער מזרחי לעהרער־סעמינאר אין ירושלים האט זיך ניט לאנג געעפענט אין די למודים געהן שוין אן. צווישען די לעהרער זיינען: הרב אסטראווסקי, א. מ. ליפשיץ, דר. י. סיקין, א. א. וו.

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה ניט צו זאגען „סינסינעטי מצה". נאר אויסדריקליך פאדערען

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר ווילט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

די ב. מאנישעוויטץ קא.
סינסינעטי, אהייא

ניו־יארק אפיס:
1 יוניאן סקוועיר

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפּאניע
דעטראָיט אפיס: 255 נאפּאלעאן סט.

Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
etroit Office 255 Napoleon St

גענוג רייד. זעהט פאקטען.

מיר האבען היינט ארונטערגענומען א סטאק מיט פרישע מצה געפאקט ספעציעל פאר דעטראיט. די מצה איז איצט די בעסטע וואס דעטראיט האט ווען עס איז געהאט. [illegible]

מיר האבען באשלאסען צו קאנקורירען נישט מיט דרעהדלער און מיט רייד, נאר מיט דער קוואליטי און פרייז פון אונזער מצה.

די קארלאדס מצה וואס איז יעצט אהער אנגעקומען. איז גאר־ראנטירט פאר יעדען סטארקיפער אז זי איז געפאקט געווען פאר דעט־ראיט און איז די בעסטע וואס ער האט ווען עס איז געהאט אין סטאק.

כשר אפילו פאר מדקדקים און אוכלי שמורה מדברי הרב הגאון ר' יוסף מאיר לעווין פון סינסענעטי.

סיימאן און ווייל

סינסינעטער מצות

אונזער הויפט סטאר איז

243 נאפאלעאן סט.

מעין דושי־3395

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל איינגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארעס, עקסעלס, פענ־דערס ווערען אויסגעגלייכט. געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיענעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

21 יאהר
אין די זעלבע ביזנעס

אונזער ווארשעווער
אפיס צו אייער
דיענסט

שיקט געלט
דורך מייל אדער קייבל,
צו אייערע פריינד און קרובים
אין פוילען און גאליציען דורך
דער אלטער בעקאנטע פירמא

גאלדמאן בראס.

די געלד ווערט אויסגעצאהלט
אונטער דער פערזענליכער
אויפזיכט פון אונזער שותף.
דוד גאלדמאן. וואס געפינט זיך
איצט אין ווארשא

Goldman Bros

339 Hastinas St.

Detroit, Mich

ווארשעווער אפיס

Przejaxd No. 5

WARSAW, POLAND

אונזער ווארשעווער
אפיס צו אייער
דיענסט

אין די זעלבע ביזנעס
21 יאהר

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Tuesday, March 23rd 1920 Vol. 2, No 35 דינסטאג, מארטש 23טער, 1920

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

24 ספארטאקאנער דערשאסען אין דייטשלאנד

לאגע אין דייטשלאנד קריטיש

בערלין, מארטש 22. — „א מלחמה אהן רחמנות" פאר דעם קאנטראל פון בערלין האט זיך היינט אנגעפאנגען. א העפטיגער שלאכט איז פארגעקומען צווישען די ספארטאקנער און די רעגיערונגס טרופען אין דעם ארלערסהאף דיסטריקט. די ארבייטער האבען באזיעגט די פריי ווילינע רעגיערונגס סאלדאטען און עס ווערט איבערגעגעבען, דאס זייערע אפיצירען זענען אלע געטויטעט געווארען. 20 קאמוניסטען (ספארטאקאנער) זענען אומגעקומען אין שלאכט. דאס פארטיידיגונגס מיניסטעריום האט דערנאך ארויסגעגעבען א ערקלעהרונג: דאס „24 קאמוניסטישע פיהרער זענען פאראורטיילט און דערשאסען געווארען".

בערלין, מארטש 22. — לויט אן ערקלעהרונג פון פארטיידיגונגס מיניסטעריום, איז די לאגע אין דייטשלאנד זעהר קריטיש. די באדינגונגען אין דער רוהר דיסטריקט ווערען אלץ ערגער. די ספארטאקאנישע באוועגונג פארשפרייט זיך צו צפון און מערב. די רעגיערונג שיקט ארויס סאלדאטען פון שלעזיען און עס ווערט ערווארטעט, דאס מארגען וועט פארקומען א צוזאמענשטויס מיט די ספארטאקאנער. לויט אן אפיציעלען באריכט, צעהלט די ספארטאקאנער ארמיי אין דעם רוהר טאל ארום 40 טויזענד. די ארמיי איז גוט ארגאניזירט און באוואפענט. מיידזשאר בערעפעלד, א קרוב פון מאקסימיליאן הארדען (א באריהמטער פובליציסט) אין דייטשלאנד פון אידישער אפשטאמונג) איז דער קאמאנדיר פון די רויטע ארמיי. ער האט אפגעדרוקט פרינץ ליכנאווסקי'ס (דייטשער אמבאסאדאר אין ענגלאנד) באריכט, וועלכער באשולדיגט די קייזערליכע רעגיערונג פאר'ן אנפאנגען דעם וועלטקריעג. עבערטס רעגיערונג רעכנט ארומצורינגלען דעם רוהר טאל און צווינגען די ספארטאקאנער זיך אונטערצוגעבען.

3000 גע'הרג'עטע אין לייפציג

די אמעריקאנער סוחרים, וועלכע זענען אנגעקומען אין קאבלענץ פון לייפציג, גיבען אנבער דאס אין די שלאכטען וואס זענען פארגעקומען אויף די לייפציגער גאסען זענען מעהר פון 3000 פערזאן אומגעקומען. די אומראוען האבען זיך דארט אנגעפאנגען גלייך, ווי דער גענעראל סטרייק געגען קאפ'ס יונקערישער רעגיערונג איז ערקלעהרט געווארען, ווען די ארבייטער האבען דאן פראקלאמירט א סאוועטען רעפובליק.

8000 געטויטעט זינט דער רעוואלוציע.

עס ווערט איבערגעגעבען, דאס זינט ס'האט אויסגעבראכען די רעוואלוציע פון 13טען מארטש ביז היינט, זענען אין די צוזאמענשטויסען דער'הרג'עט געווארען ארום 8000 פערזאן.

עבערטס רעגירונג צוריק אין בערלין.

פרעזידענט עבערט איז צוריקגעקומען פון שטוטגארט אין בערלין. זיין גאנצער קאבינעט איז נאך געבליבען דא געוועזען. דער קריעגס צושטאנד איז דא צוריק גערופען, און די גאסען זעהען ווידער אויס רוהיג און פריעדליך. עבערטס סאלדאטען האבען אוועקגענומען די טויטראטען, וואס זענען אויסגעשטעלט געווארען פון קאפ'ען.

דייטשע ארבייטער וועלען ווידער סטרייקען.

בערלין, מארטש 22. — א קלאנג האט זיך דא פארשפרייט, דאס די ארבייטער האבען באשלאסען ווידער צו ווארפען די ארבייט אום צו פארזיכערען, דאס זייערע פאליטישע פארערונגען וועלען נאכגעקומען ווערען. דער גענעראל סטרייק איז לעצטען שבת צוריקגערופען געווארען ווען עבערטס רעגיערונג האט נאכגעגעבען די פארערונגען פון די ארבייטער. מען האט דאן גערעכנט, דאס לינגהען, דער פארזיצענדער פון די דייטשע ארבייטער יוניאנס וועט ווערען קאנצלער.

א סטרייק איז ערקלעהרט געווארען אין מיניך און אין נאך פיעל אנדערע שטעדט אין באוואריע. די ארבייטער פון ווירטעמבורג רעכנען צו סטרייקען.

באלשעוויקעס זאלען האבען אנגעפאנגען „פריהלינגס אטאקע" אויף פוילען.

ווארשא, מארטש 21. — די באלשעוויקעס האבען פרייטאג און שבת געמאכט איינינע אטאקעס אויף דער לענג פון פוילישען פראנט. דיעזע אטאקעס ווערען פון די מיליטערישע פארשטעהער דא באטראכט אלס דער אנפאנג פון דעם לאנג פאראויסגעזאגטען פריהלינג אטאקע, וואס די סאוועטען וועלען מאכען אויף פוילען.

דער פוילישער באריכט זאגט, דאס 900 באלשעוויקעס זענען געפאנגען גענומען.

פייזעל באיקאטירט ענגלאנד און פראנקרייך

ביירוט, מארטש 22. — עמיר פייזעל, דער נייערוועהלטער קעניג פון סיריען, האט ערקלעהרט א באיקאט געגען די לענדער, וועלכע פארנעהמען איצט טעריטאריע פון די אראבער — פראנקרייך און ענגלאנד — און האט ארגאנירט א קאמיסיע, וועלכע דארף ברענגען די מאכמאדאנער און קריסטען אין מעהר פריעדליכע באציהונגען.

פאסטערס זענען אויסגעקלעפט אין דמשק, וואו דער סיריאנישער קאנגרעס איז אפגעהאלטען געווארען, וואו עס זאגט זיך פאלגענדעס:

דער סיריאנישער קאנגרעס האט געצום קריסט און אידען. די אראבער האבען עקזיסטירט פריהער ווי קריסטום און מאכמעד. פרייהייט און אונאפהענגיגקייט זענען די רעכטע פון סיריען. רעליגיע באלאנגט צו גאט, אבער דאס פאטערלאנד באלאנגט צו זיינע קינדער".

דער סיריאנישער קאנגרעס האט געבעטען די פרעמדע צו פארלאזען דעם דאזיגען געגענד, און וועלכען ס'געהען אויך ארויין פאלעסטינא און מעסאפאטאמיע.

ל. שפירא אווענט פון י. ל. פרץ פאראיין

מארגען אווענט, וועט אין ליבאר לייסעאום פארקומען אן ל. שאפירא אווענט די נייע ווערק פון דיעזען טאלאנטפולען בעלעטריסט וועלען פארגעלעזען ווערען פון'ם דיכטער ה. רויזענבלאט, מ. פינקעל און ל. בלאנק.

אויף דעטראיטער גאסען

11 צעקריפעלטע קינדער צוקאליעטשעט אין אן אויטאמאביל עקסידענט

א פאטרול וואגען, וואס האט געפירט 11 צוקריפעלטע קינדער אין סקוהל אריין איז נעכטען אין דער פריה געקומען אין א צוזאמענשטויס מיט, אן אויטאמאביל אויף קאמערא און אוקלאנד עוועניוס און דער רעזולטאט איז געוועזען, אז די קינדער זיינען נאך מעהר פארקריפעלט געווארען ווי זיי זיינען געוועזען פריהער.

דער אפיסער, וועלכער האט די קינדער צונויפגעזאמעלט פון פארשיעדענע הייזער, אום אפצופיהרען זיי אין דער ווייטענס רעסטעריישאן האום — דער הויפט פינקט, וואו די קינדער ווערען קלאסיפיצירט און איבערגעשיקט אין פארשיעדענע סקוהלס — איז שטארק פארוואונדעט געווארען.

דער דרייווער פון'ם אויטאמאביל, דזשעמס ב. מעקברייד, פון 182 גלענדייל עוו., איז ארעסטירט געווארען אויף דער טשארזש פון אומפארזיכטיגקייט.

דער פארוואונדעטער אפיסער איז צוגענומען געווארען אין האספיטאל און די קינדער האט מען גלייך אוועקגעפיהרט אין דער ווייטענס רעסטעריישאן האום, וואו זיי ווערען קריגען מעדיצינישע באהאנדלונג.

פיער מענשען געהרג'עט פון אויטאמאבילס און קארס

א מאן, א פרוי און צוויי קינדער זיינען געהרג'עט געווארען פון אויטאמאבילס, אין פארלויף פון די לעצטע 48 שטונדען. דערצו זיינען נאך איינינע אזוי שטארק פארוואונדעט, אז זייערע מינוטען זיינען געצעהלטע.

אן אומבאקאנטער מאן איז אונטערגעפאלען אונטער אן אינטערארבאן קאר, וועלכע איז געלאפען 30 מייל א שטונדע, ארום די סיטי לימיטס, און איז גלייך געהרג'עט געווארען.

רזשיימס וואהיט, א באי פון 7 יאהר, פון 277 גלאזער עוו. איז נעכטען פריה איבערגעפאהרען פון אן אויטאמאביל אויף פעירוויו עוו. און איז אויפ'ן פלאץ געשטארבען.

דער דרייווער פון'ם אויטאמאביל, פ. נארפיעלד, וועלכער ארבייט פאר'ן ארקאדיא האטעל איז גענומען געווארען אויף א פארהער אין פראסעקיוטינג אטוירנים אפיס, וואו ער האט ערקלעהרט אז דער יונגער באי איז געווען שארטראכט און האט ניט געזעהן דאס אנקומען פון'ם אויטאמאביל, און אז עס איז געווען פאר איהם אומעגליך צו סטאפען דעם אויטאמאביל. ער איז דערווייל באפרייט געווארען ביז א ווייטערדיגער אונטערזוכונג אין דיעזער אנגעלעגענהייט פון דער קאראנערס דזשורי.

דזשעני וואסיל, 5 יאהר אלט, איז זונטאג ביינאג איינגעבליקליך געשטארבען נאכדעם ווי זי איז איבערגעפאהרען געווארען פון אן אוטאמאביל, געטריבען פון אייגנער קאנאווסקי, 333 — 13־טער סטריט. דאס אומגליק האט פאסירט ווען דאס קינד האט זיך געשפיעלט נעבען איהר הויז.

קאנאווסקי איז ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון הרג'ענען בשוגג.

די פרוי, וועלכע איז געהרג'עט געווארען פון אן אויטאמאביל אויף וועסט גראנד בולווארד, איז ענדליך רעקאגנצירט געווארען אלס מרס. דזשאהאנזאן ב. גודריטש, 1169 לאטהראפ עוו. דער דרייווער, ס. מור שטעהט איצט אונטער א קלאגע פון מארד.

א אינגעל פון 5 יאהר אלט, מיט'ן נאמען טאמאס צירינג, פון 1333 וואן דייק עוו. איז ארוים מיט א צובראכענעם ארם אלס רעזולטאט פון אן אויטאמאביל עקסידענט זונטאג ביינאג.

פאלגענדע ליגען יעצט אין האספיטאל אין א שטארבענדען צושטאנד אלס רעזולטאט פון אויטאמאביל עקסידענטס: אלפרעד קראוזע, 45 יאהר אלט, פון 50 עללען עוו., עדוואהר הערבערט, 20 יאהר אלט פון 76 1שטע סטריט און טאני קארטעלי, 28 יאהר אלט, 116 סיקאט עוו.

6 אידען זיינען אפגעקומען מיט לייכטע וואונדען, ווען צוויי אויטאמאבילען זענען געקומען צו א צוזאמענשטויס. דיזע זיינען: נייטען יאוטשניק, הערי אוטשניק, זיין פרוי פראנסעס און זיין קינד, אן מארטין און רוטה ווינשטיין. אלע זיינען פון 164 גרדווין עוו.

מעקסיקאנישע פרוי גיט געבורט צו זיעבען קינדער מיט איין מאל

מאנטעזוקא, מעקסיקא, מארטש 22. — היינט האט דא א פרוי געבוירען זיעבען קינדער מיט איין מאל. די דאזיגע בריה'שע געווינערין איז די פרוי פון יעזוס לאסעטין, א סאלדאט אין דער מעקסיקאנער ארמיי.

די קינדער זיינען דריי מיידלאך און פיער באיעס. יעדעס קינד וועגט ארום צוויי פונט און יעדע איינע איז פאלשטענדיג ענטוויקעלט און יעדען הינזיכט. די מוטער אליין איז פאלקאם געזונד.

הייוואוד רופט אמעריקא „פינסטערער פלאץ"

ניו יארק, מארטש 22. — מר. הייוואוד, דער ראדיקאלער ארבייטער פיהרער, האט נעכטען גערעדט אין פאלקסהויז אונטער דער אויפזיכט פון דער „אמעריקאן סיוויל ליבערטיס ביורא". צווישען אנדערעס האט ער געזאגט פאלגענדעס:

„דער פינסטערסטער פלאץ אין דער וועלט היינט צו טאג איז אמעריקא, און דער העלסטער און ליכטיגסטער ארט אין דער וועלט איז רוסלאנד. איך גלויב, דאס פיעלע פון אונז האפען אויף דער צייט, ווען אמעריקא וועט זיין אזוי גוט, ווי רוסלאנד איז היינט".

דעם זעלבען אווענט האט אויך גערעדט קאנגרעסמאן סיגעל, א מיטגליעד פון דער קאנגרעס אימיגראציאנס קאמיטע. מר. סיגעל האט געזאגט, אז דער צווייטער „ארויספאהר" פון די רוסישע רויטע פון די היגע ברעגען וועט ניט זיין אין אזא לוקסוס, ווי זייערע חברים האבען געהאט, ווען זיי זענען אוועקגעשיקט געווארען אויף דער בופארד, און אז זיי וועט מעהר ניט באגלייטען קיין נוירסעס פון דעם רויטען קרייץ. זיי וועלען אפפאהרען, האט מר. סיגעל געזאגט, אין מיטען העלען טאג, אנשטאט אין דער פינסטערער נאכט, ווען די בופארד איז פון האנען אוועק.

308,901 האבען זיך רעדזשיסטרירט צו שטימען איבער קאזענס קאר פלאן

די צאהל פון די, וואס האבען זיך רעדזשיסטרירט צום שטימען איבער קאזענ'ס פלאן פאר שטאטישע קארליינס, איז די גרעסטע, וואס איז ווען ניט איז געווען אין דעטראיט.

די ערשטע זאך, וואס דער שטאטקלוירק האט געטאן, ווען ער איז שבת אנגעקומען אין זיין אפיס איז געווען צו באשטעלען אין דרוק מעהר באלאטס.

„דאס איז געווען די גרעסטע רעגיסטראציע אין דער געשיכטע פון דעטראיט — האט מר. לינדסיי, שטאט קלוירק געזאגט — דעטראיט מעג ערווארטען אן אויסערגעוועהנליכע צאהל שטימען דעם קומענדען 5טען אפריל.

שבת איז געווען דער לעצטער טאג, וואס מ'האט זיך געקענט פארשרייבען, אדער בעטען „טראנספערס". אבער אויב איינער האט ניט געקענט זיך רעדזשיסטרירען ווייל ער, אדער זי, איז געווען קראנק אדער אויסערן שטאט, דאן וועט מען קענען זיך רעדזשיסטרירען אויך אין דעם טאג פון די וואהלען. דאס זעלבע איז אויך ווענען טראנספערס.

די ערשטע תשובות פון דינים און משפטים נעקסטען פרייטאג

ווער עס האט עפעס צו פרעגען ביי א לאיער זאל זיך ווענדען אין רעדאקציע פון 'וועג' דורך א בריעף, געשריבען אויף איין זייט פאפיר, מיט טינט און אנגעגעבען די סאדרעס אפילו ווען מען וויל, אז דער נאמען זאל ניט געדרוקט זיין.

יעדער פראגע וועט געענטפערט ווערען פון די באקאנטע דעטראיטער אידישע אדוואקאטען י. ר. לימאן און מ. ל. ליסס.

אינם פרייטאגדיגען „וועג" וועלען פארעפענטליכט ווערען די ערשטע תשובות צו די וואס האבען זיך געווענדעט צו אונז פאר ליגעל אדווייז

וועט מעהר ניט אטאקירען פינלאנד

וואשינגטאן, מארטש 22. — די תיגע פינלאנדישע אמבאסאדע האט ערהאלטען א באריכט, דאס די רעגיערונג פון פינלאנד האט ערהאלטען א נאטע פון טשיטשערין'ען. דעם באלשעוויסטישע אויסערן מיניסטער, דאס רוסלאנד וועט פון איצט אן ניט מאכען קיין אגריסיוו־אטאקע אויף פינלאנד.

אינטערנאציאנאלע ארבייטער ביורא באטראכט רוסישע פראגע.

לאנדאן, מארטש 22. — די עקזעקוטיווע פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער ביורא, וועלכע איז באשאפען געווארען פון דער נאציאנען ליגע, האט היינט געדאפט אפהאלטען איהרע זיצונגען אין דעם קאמיטע צימער פון דעם לארדען־הויז. דער פארזיצענדער פון דער עקזעקוטיווע איז אלבערט טאמאס, דער גענעראל דירעקטאר פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער ארגאניזאציע.

ס'וועט דארט באטראכט ווערען, וואס פאר א שטעלונג די ארבייטער זאלען נעהמען צו דער רוסישער פראגע. די עקזעקוטיווע וועט דיסקוטירען די איינלאדונג פון דער נאציאנען ליגע צו איהר זענען שיקען 2 פארטרעטער אין דער קאמיסיע, וואס די ליגע שיקט קיין רוסלאנד.

אלבערט טאמאס האט ערקלעהרט, דאס די ארבייטער קערפערשאפט פון דער נאציאנען ליגע קען אננעהמען די איינלאדונג כדי צו קריגען פאליטישע אויסקינפטע וועגען רוסלאנד און צו דער זעלבער צייט שיקען אן אייגענע קאמיסיע ראפארטען, ווי זי האט עס פריהער געפלא־

אין א סטייטמענט האט מר. טאמאס נעכטען ערקלעהרט, דאס איהם פארדריסט זעהר וואס די אמעריקאנער ארבייטער געוועט, אדער זי וועט גאר ניט שיקען איהרע פארשטעהער קיין רוסלאנד. זענען ניט פארטראטען אין דער אינטערנאציאנאלער ביורא. זייער פלאץ איז פארנומען געווארען פון דער דענישער ארבייטער ארגאניזאציע.

ענגלישער רעדאקטאר לייקענט אפ סאוועט'ס שטיצע פאר זיין צייטונג.

לאנדאן, מארטש 22. — דזשארדזש לענסבורי, רעדאקטאר פון דער ארבייטער צייטונג „דיילי העראלד" האט אין א רעדע אפגעלייקענט דעם סטייטמענט, וואס איז געמאכט געווארען אין א קאפענהאגענער דעפעשע, דאס ער האט באקומען פון דער סאוועטען־רעגיערונג 500 טאן, דרוקפאפיער.

די דעפעשע, וועגען וועלכער לענסבורי רעדט, האט געהאט געמעלדעט, דאס די סאוועטען רעגיערונג האט אינסטרואירט איהר אגענט אין שטאקהאלם צו געבען דער „הערואלד" די אנגערופענע סומע דרוקפאפיער אויף איהר חשבון.

דזשארדזש לענסבורי איז געוועזען לעצטע וואך צוריקגעקומען פון רוסלאנד. ער איז דארט געוועזען איינינע וואכען. ווי ס'איז נעכטען געוועזען געמעלדעט אין אן ענגלישער צייטונג, איז לענסבורי געפאהרען אהין מיט לאיד דזשארדזש'ס אונאפיציעלער צושטימונג, כדי אויסצושפירען א וועג פאר'ן קומענדען שלום מיט די באלשעוויקעס.

3 היימען צושטערט פון א פייער

9 פערזאן שיער ניט פארברענט אין א פייער אויף מולעט סטריט

זונטאג פריה, זיינען 2 פאמיליעס, באשטעהענד פון 9 פערזאן, שיער ניט פארברענט געווארען פון א פייער וואס האט ארויסגעבאפט זייער פלעט אין 336 מולעט סטריט.

דעם פייער האט ענטדעקט אנטאני בערסאני, וועלכער וואוינט אין 340 מולעט סטריט. ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און דערפיהלט א רויך וואס רייסט זיך פון דעם נעקסטען וואוינונג. ער איז באלד ארויסגעלאפען, אויפגעוועקט די צוויי שלאפענדע פאמיליען און זיי אלעמען ארויסגעראטעוועט.

די געראטעוועטע זיינען: דזשיימס ה. קראופער און זיין פרוי, און דזשיימס פארטער, זיין פרוי און 5 קינדער. פארטער איז לייכט צוברענט געווארען, ווען ער איז געלאפען אין די פלאמען ראטעווען זיינס א קינד. דאס קינד האט גאר ניט געשאדט.

דער שאדען באטרעפט ארום $3,500

נעכטען גאנץ פריה, האט אויסגעבראכען א מורא'דיגער פייער אויף געווארא עוו., צווישען רזשאהן אר סטריט און אוקלאנד עוו. און ארויסגעטריבען די איינוואוינער פון 3 היימען אין דרויסען.

דער היזק ווערט געשאצט ארום 20 טויזענד דאלאר.

אנגעפאנגען האט זיך דער פייער פון אן עקספלאזשיאן אין א גאזאלין סטאוו, אין נומער 251 געווארא עוו. און אויגענבליקליך האט זיך דער פייער אריינגעריסען אין די וואוינונגען פון מייק קאם פעטי, 293 געווארא און מרס. האנא היקאף, 297 געווארא עוו. און פון אלע 3 הייזער איז געווארען א בארג אש.

דער פייער האט אנגעמאכט א פאניק איבער'ן גאנצען בלאק. שכנים האבען געשלעפט זייערע מעבעל און בעטגעוואנד אין דרויסען ארוים און ס'האט געמאכט אן איינדרוק ווי דער גאנצער בלאק וואלט געברענט. איינגעשטילט האט זיך דער עולם ווען די פייערלייט האבען גענומען די סיטואציע אין זייערע הענד און אפגעשטאפט דעם פייער פון געהן ווייטער.

פארמשפט'ער געליבט פון זיינע פריינד

מינאמיני, מיש., — מארטש 22. — מר. ענדריוס, איינער פון די געפונגענע שולדיג אין ניובעריס משפט, איז ביי זיין אנקומען אהער אויפגענומען געווארען פון פארשיעדענע דעפוטאציעס. מר. ענדריוס איז רעדאקטאר פון דער ארטיגער צייטונג. ער איז פאר'ן משפט געווארען אויף 18 מאנאטען טורמע און פארט לעווענווארט.

„מיר זענען שטאלץ מיט אייך, מר. ענדריוס — האט געזאגט מר. לאיד, פרעזידענט פון דער לאיד קא., איינער פון די גרעסטע א אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען.

„מיר גלויבען אין אייך — האט מר. לאיד ווייטער געזאגט, — כאטש איהר זענט טעכניש שולדיג אין באגעהן א פארברעכען, זענען מיר דאך אייך דאנקבאר פאר דער ראלע, וואס איהר האט געשפיעלט אין באזיעגען העגרי פארד, אלס סענאטאר. מיר שטעהען מיט אייך ביז דעם סוף".

מר. ענדריוס האט געענטפערט, דאס ער און די איבעריגע געפונענע שולדיג האבען ניט קיין שום מאראלישע געוויסענביסע.

„מיר ענטשולדיגען זיך ניט פאר דאס וואס מיר האבען געטאן — האט מר. ענדריוס געזאגט — מיר האבען עס געטאן, ווייל מיר האבען געגלויבט, אז דאס איז ערלויבט פון געזעץ און מאראליש. די גערעכטע זאך צו טאן. אונזערע איבערצייגונגען האבען זיך ווענען דעם ניט געביטען. מיט מיין גאנצער אויפריכטיגקייט זאג איך, דאס עס איז בעסער, אז 17 פראמינענטע פערזאן פון מישיגאן זאלען ווערען באשטראפט אין די נידעריגע געריכטען, איידער העגרי פארד זאל זיצען אין'ם סענאט פון די פאראייניגטע שטאאטען און זאל פארטרעטען מישיגאן'ס אמעריקאניזם. אונזער קאמף האט זיך איצט אנגעפאנגען".

מר. ענדריוס האט געקראגען א סך בלומען פון זיינע פריינד.

אין מארגענדיגען „וועג"

אן אינטערעסאנטער ארטיקעל פון דעם באוואוסטען סאוועטען פיהרער און קריעגס און שפייז מיניסטער **לעאן טראצקי** וועגען דער ראלע פון די דעניקינ'ס, ערשיענען אין די „איזוועסטיא" איבערזעצט אין אידיש וועט זיין געדרוקט אין מארגענדיגען נומער „וועג".

Public Library 42nd and 5th Ave.

פאמיליע מיט 7 קינדער געצוואונגען צו וואוינען אין א שטאל

אויף ווי ווייט דער מאנגעל אין וואוינונגען האט שוין ביי אונז אין שטעדטעל דערגרייכט איז צו זעהן פון דעם פאקט וואס עס איז די טעג באקאנט געווארען אז א געוויסער סעמיועל דאנהערטי, א טרעמסטער, וועלכער איז געקומען אהער מיט 6 מאנאטען צוריק פון פילאדעלפיע, איז געווען געצוואונגען צו וואוינען מיט זיין פרוי און זיבען קינדער אין א שטאל.

טאג איין טאג אויס האט די מרס. דאנהערטי געזוכט א פלעט פאר איהר און איהר פאמיליע, אבער ס'איז געווען אומזיסט. ווען די לענדלארדס האבען אויסגעפונען אז זי פארמעגט 7 קינדער, האבען זיי זיך אנטזאגט איהר צו פארענטען א הויז.

די דאזיגע פאמיליע געווען געצוואונגען ארויסצוציהען אין א שטאל, וואס געפינט זיך אין די בעק פון 441 ליווערנאיז עוו. דער שטאל איז זומפיג און געגען אלע רעגלען פון סאניטאריע. פונרעסטענגען האט דער לענדלארד פון'ם שטאל זיך ניט געשעהמט צו בעטען 35 דאלאר א מאנאט רענט. און האט עס געקראגען אויך. אן אנדער ברירה האט די פאמיליע ניט געהאט?

די פארטרעטער פון דער באורד אוו העלטה האט מרס. דאנהערטי דערצעהלט אז זי האט געבארפט געהן צו שכנים טשארען וואסער פאר קאכען און ריינינגען

וו. ה. גרייסער פון דער באורד אוו העלטה, האט פארשפראכען דער מרס. דאנהערטי, אז ער וועט איהר אויסזוכען א וואוינונג.

אט צו אזא פונקט האט שוין די הויז פראגע אין דעטראיט דערגרייכט!

ניובערי באשולדיגט ווילסאנ'ס אדמיניסטראציע אין זיין פסק

גרענד ראפידס, מארטש 22. — פאול קינג, קאמפיין מענעדזשער פון סענאטאר ניובערי און וועלכער האט צוזאמען מיט'ן סענאטאר געקראגען די העכסטע שטראף, האט נעכטען ארויסגעגעבען א צוגערייטען סטייטמענט.

דער סטייטמענט לעזט זיך, ווי פאלגט:

„כאטש איך בין זעהר איבעראשט, בין איך דאך ניט אינגאנצען ניעדערגעשלאגען פון דעם רעזולטאט פונ'ם משפט ער, דער משפט, ווייזט איינפאך אן אויף דער שטארקער מאכט פון דער אדמיניסטראציע, מיט אלע רעגיערונגס אגענטורען צו איהר דיענסט און אונטערשטיצט פון דעם גרויסען איינפלוס און אומגעהויער גרויסען פארמעגען פון הענרי פארד.

קיין דזשורי און קיין געריכט זענען ניט פעהיג צו מאכען פון מיר אדער פון מיינע גלענצענדע מיטארבייטער א קרימינעלען פארברעכער. מיר אליין זענען די איינאיינציגע וועלכע וואלטען עס געקענט, אדער קענען עס טאן. מיר האבען עס ניט געטאן און מיר וועלען עס ניט טאן.

„עס איז, א דאנק גאט, דא אן אנדער טאג אויך אן אנדער געריכט, וואו גערעכטיגקייט וועט ענדליך הערשען און דיעזער טיוועלשער טאט וועט פארניכטעט ווערען.

„ס'איז ניט געווען קיין איין איינציגער אקט פון קארופציע אין דעם סענאטארישען קאמפיין און דער ענטגילטיגער רעזולטאט וועט באווייזען, אהן א שאטען פון צווייפעל, דאס ער איז געווען דער ריינסטער קאמפיין, וואס ס'איז ווען ניט איז געפיהרט געווארען און ניט א קרימינאלע קאנספיראציע".

היסט דעפארטירען אלע סאציאליסטישע אגיטאטארען

אין א רעדע, וואס דזשארדזש גרעדהעם, אן אויטאמאביל מאנופעקטשורער פון באפלא האט געהאלטען לעצטען שבת אווענט פאר די מיטגליעדער פון דעם דעטראיטער אטלעטיק קלאב, האט ער ערקלעהרט, אז מען דארף דעפארטירען אלע אגיטאטארען, וואס שטעלען אין געפאר די עקזיסטירענדע ארדנונג.

„אונזער דרינגענדע נויט ביי יעצטיגען מאמענט האט דער אויטאמאביל מאנופעקטשורער געזאגט — איז ניט צו בייטען די רעגירונגס־סיסטעם, וועלכע האט זיך ארויסגעוויזען אלס די בעסטע נאך יאהר הונדערטער עקספערימענטען, נאר צו זעהן, אז אן ארדענטליך שפיצע פון אונזער רעגיערונג זאלען שטעהן שטאטסלייט, וועלכע וועלען פארטרעטען די פריינדשאפט וואס די מלחמה האט אויסגעמויערט צווישען אונז ענגלאנד און פראנקרייך".

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. ... authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. — DETROIT, MICH., Tuesday, March 23rd 1920 Vol. 2, No. 35 — דינסטאג, מארטש 23טער, 1920

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY — ASTOR, LENOX, TILDEN FOUNDATIONS

24 ספארטאקאנער דערשאסען אין דייטשלאנד

לאגע אין דייטשלאנד קריטיש

בערלין, מארטש 22. — „א מלחמה אהן רחמנות" פאר דעם קאנטראל פון בערלין האט זיך היינט אנגעפאנגען. א העפטיגער שלאכט איז פארגעקומען צווישען די ספארטאקנער און די רעגיערונגס טרופען אין דעם ארלעקסהאף דיסטריקט.

די ארבייטער האבען באזיעגט די פריי־ווילינע רעגיערונגס סאלדאטען און עס ווערט איבערגעגעבען, דאס זייערע אפיצירען זענען אלע געטויטעט געווארען.

20 קאמוניסטען (ספארטאקאנער) זענען אומגעקומען אין שלאכט.

דאס פארטיידיגונגס מיניסטעריום האט דערנאך ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג: דאס 24 קאמוניסטישע פיהרער זענען פאראורטיילט און דערשאסען געווארען".

וואס זענען פארגעקומען אויף די לייפ־ציגער גאסען זענען מעהר פון 3000 פער־זאן אומגעקומען. די אומראוען האבען זיך דארט אנגעפאנגען גלייך, ווי דער גענע־ראל סטרייק געגען קאפ'ס יונקערישער רעגיערונג איז ערקלעהרט געווארען, ווען די ארבייטער האבען דאן פראקלאמירט א סאוועטען רעפובליק.

8000 געטויטעטע זינט דער רעוואלוציע.

עס ווערט איבערגעגעבען, דאס זינט ס'האט אויסגעבראכען די רעוואלוציע פון 13טען מארטש ביז היינט, זענען אין די צוזאמענשטויסען דער'הרג'עט געווא־רען ארום 8000 פערזאן.

עבערטס רעגירונג צוריק אין בערלין.

פרעזידענט עבערט איז צוריקגעקומען פון שטוטגארט אין בערלין. זיין גאנצער קאבינעט איז נאך נעכטען דא געווען.

דער קריעגס צושטאנד איז דא צוריק גערופען. און, די גאסען זעהען וויעדער אויס רוהיג און פריעדליך. עבערטס סאל־דאטען האבען אוועקגענומען די טויט־דראטען, וואס זענען אויסגעשטעלט גע־ווארען פון קאפ'ען.

דייטשע ארבייטער וועלען וויעדער סטרייקען.

בערלין, מארטש 22. — א קלאנג האט זיך דא פארשפרייט, דאס די ארבייטער האבען באשלאסען וויעדער צו ווארפען די ארבייט און צו פארזיכערען, דאס זייערע פאליטישע פאדערונגען וועלען נאכגעקומען ווערען. דער גענעראל סטרייק איז לעצטען שבת צוריקגערופען געווארען ווען עבערטס רעגיערונג האט נאכגעגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער. מען האט דאן געדענקט, דאס לינגהען, דער פארזיצענדער פון די דייטשע ארבייטער יוניאנס וועט ווערען קאנצלער.

א סטרייק איז ערקלעהרט געווארען אין מוניך און אין נאך פיעל אנדערע שטעדט אין באוואריע. די ארבייטער פון וויירטעמבורג רעדען צו סטרייקען.

בערלין, מארטש 22. — לויט אן ער־קלעהרונג פון פארטיידיגונגס מיניסטע־ריום, איז די לאגע אין דייטשלאנד זעהר קריטיש.

די באדינגונגען אין דער רוהר דיסט־ריקט ווערען אלץ ערגער. די ספארטאקאני־שע באוועגונג פארשפרייט זיך צו צפון און מערב.

די רעגיערונג שיקט ארויס סאלדא־טען פון שלעזיען און עס ווערט ערוואר־טעט, דאס מארגען וועט פארקומען א צוזאמענשטויס מיט די ספארטאקאנער.

לויט אן אפיציעלען באריכט, צעהלט די ספארטאקאנער ארמיי אין דעם רוהר טאל ארום 40 טויזענד. די ארמיי איז גוט ארגאניזירט און באוואפענט.

מיידזשאר בערעפעלד, א קרוב פון מאקסימיליאן הארדען (א באריהמטער פובליציסט) אין דייטשלאנד פון אידי־שער אפשטאמונג) איז דער קאמאנדיר פון די רויטע ארמיי. ער האט אפגעדרוקט פרינץ ליכנאווסקי'ס (דייטשער אמבא־סאדאר אין ענגלאנד) באריכט, וועלכער באשולדיגט די קייזערליכע רעגיערונג פאר'ן אנפאנגען דעם וועלט־קריעג.

עבערטס רעגיערונג רעכנט ארומצו־רינגלען דעם רוהר טאל און צווינגען די ספארטאקאנער זיך אונטערצוגעבען.

3000 געהרג'עטע אין לייפציג

די אמעריקאנער סוחרים, וועלכע זע־נען אנגעקומען אין קאבלענץ פון לייפ־ציג, גיבען איבער דאס אין די שלאכטען

באלשעוויקעס זאלען האבען אנגעפאנגען „פריהלינגס אטאקע" אויף פוילען.

ווארשא, מארטש 21. — די באלשע־וויקעס האבען פרייטאג און שבת געמאכט איינינע אטאקעס אויף דער לענג פון פויל־לישען פראנט. דיעזע אטאקעס ווערען פון די מיליטערישע פארשטעהער דא באַ־טראכט אלס דער אנפאנג פון דעם לאנג־פאראויסגעזאגטען פריהלינגס אמריעף, וואס די סאוועטען וועלען מאכען אויף פוילען.

דער פוילישער באריכט איז, דאס 900 באלשעוויקעס זענען געפאנגען געווארען.

פייזעל באיקאטירט ענגלאנד און פראנקרייך

ביירוט, מארטש 22. — עמיר פייזעל, דער נייערוועהלטער קעניג פון סי־ריען, האט ערקלעהרט א באיקאט געגען די לענדער, וועלכע פארנעהמען איצט טעריטאריע פון די אראבער — פראנק־רייך און ענגלאנד — און האט ארגאני־זירט א קאמיטע, וועלכע דארף ברעננען די מאכמאדאנער און קריסטען אין מעהר פריעדליכע באציהונגען.

פאסטערס זענען איינגעקלעפט אין דמשק, וואו דער סיריאנישער קאנגרעס איז אפגעהאלטען געווארען. זייא עס זאגט זיך פאלגענדעס:

דער סיריאנישער קאנגרעס האט גע־צים קריסטען און אידען. די אראבער האבען עקזיסטירט פריהער ווי קריסטום און מאכמעט. פרייהייט און אונאפהענ־גיגקייט זענען די רעכטע פון סיריען. דער קעניג באלאנגט צו גאט, אבער דאס פא־טערלאנד באלאנגט צו זיינע קינדער".

דער סיריאנישער קאנגרעס האט גע־בעטען די פרעמדע צו פארלאזען דעם לאנד. אין וועלכען ס'געהען אויך אריין פאלעסטינא און מעסאפאטא־מיע.

ל. שפירא אזוענט פון י. ל. פרץ פאראיין

מארגען אווענט, וועט אין ליבאר ליי־סעאום פארקומען אן ל. שאפירא אווענט. די נייע ווערק פון דיעזען טאלאנט־פולען בעלעטריסט וועלען פארגעלעזען ווערען פון'ם דיכטער ה. רוזענבלאט, מ. פונקעל און ל. בלאנק.

איף דעטראיטער גאסען

11 צעקריפעלטע קינדער צוקא ליעטשעט אין אן אויטאמא־ביל עקסידענט

א פאטרול וואגען, וואס האט געפירט 11 צוקריפעלטע קינדער אין סקוהל אריין איז נעכטען אין דער פריה געקומען אין א צוזאמענשטויס מיט אן אויטאמאביל אויף קאמעראן און אוקלאנד עוועניוס און דער רעזולטאט איז געווען, אז די קינדער זיינען נאך מעהר פארקריפעלט גע־ווארען ווי זיי זיינען געווען פריהער.

דער אפיסער, וועלכער האט די קינ־דער ציזאמענגעזאמעלט פון פארשיעדענע היימער, אום אפצופיהרען זיי אין דער יימענס רעטענשאן האום — דער הויפט פינקט, וואו די קינדער ווערען קלאסי־פיצירט אי איבערגעשיקט אין פארשיע־דענע מקומות — איז שטארק פארוואונ־דעט געווארען.

דער דרייווער פון'ם אויטאמאביל, דזשעס ב. מעקברייד, פון 182 גלענדייל עוו., איז ארעסטירט געווארען אויף דער טשארדזש פון אומפארזיכטיגקייט.

דער פארוואונדעטער אפיסער איז צו־גענומען געווארען אין האספיטאל און די קינדער האט מען גלייך אוועקגעפיהרט אין דער יימענס רעטענשאן האום, וואו זיי ווערען קריגען מעדיצינישע באהאנד־לונג.

פיער מענשען געהרג'עט פון אויטאמאבילס זון קארס

א מאן, א פר' און צוויי קינדער זיינען געהרג'עט געווארען פון אויטאמא־בילס, אין פארלויף פון די לעצטע 48 שטונדען. דערצו זיינען נאך איינינע אזוי שטארק פארוואונדעט, אז זייערע מינוטען זיינען געצעהלטע.

אן אומבאקאנטער מאן איז אונטער־געפאלען אונטער אן אינטערארבאן קאר, וועלכע איז געלאפען 30 מייל א שטונדע, ארום די סיטי לימיטס, און איז גלייך געהר'געט געווארען.

רודזשיימס וויהיים, א באי פון 7 יאהר, פון 277 גלאוועד עוו. איז נעכטען פריה איבערגעפאהרען פון אן אויטאמאביל אויף פעירוויו עוו. און איז איפ'ן פלאץ געשטארבען.

דער דרייווער פון'ם אויטאמאביל, פ. גארפיעלד, וועלכער ארבייט פאר'ן אר־קאדיא האטעל איז גענומען געווארען אויף א פארהער אין פראסעקיוטינג אטוירנים אפיס, וואו ער האט ערקלעהרט אז דער יונגער באי איז געווען פאר־מאכט און האט ניט געזעהן דאס אנ־קומען פון'ם אויטאמאביל, און אז עס איז געווען פאר איהם אוממעגליך צו סטא־פען דעם אויטאמאביל. ער איז דערווייל באפרייט געווארען ביז א ווייטערדיגער אונטערזוכונג אין דיעזער אנגעלעגענ־הייט פון דער קאראנערס דזשורי.

דזשעני וואסיל, 5 יאהר אלט, איז זונטאג בייטאג אייגענבליקליך געשטאר־בען נאכדעם ווי זי איז איבערגעפאהרען געווארען פון אן אויטאמאביל, געטריבען פון איינוסט קאנאווסקי, 333 13־טער סטריט. דאס אומגליק האט פאסירט ווען דאס קינד האט זיך געשפיעלט נעבען איהר היים.

קאנאווסקי איז ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון הרג'ענען בשוגג.

די פרוי, וועלכע איז געהר'געט געווא־רען פון אן אויטאמאביל אויף וועסט גרענד בולווארד, איז ענדליך דערקענט געווארען אלס מרס. רזשאהרדזש ב. גודריטש, 1169 לאטהראפ עוו. דער דרייווער, ס. מור שטעהט איצט אונטער א קלאגע פון מארד.

א אינגעל פון 5 יאהר אלט, מיט'ן נאמען טאמאס צירינג, פון 1333 וואן דייק עוו. איז ארויס מיט א צובראכע־נעם ארם אלס רעזולטאט פון אן אוי־טאמאביל עקסידענט זונטאג בייטאג.

פאלגענדע ליגען יעצט אין האספי־טאל אין א שטארבענדען צושטאנד אלס רעזולטאט פון אויטאמאביל עקסידענטס: אלפרעד קראוזע, 45 יאהר אלט, פון 50 עללען עוו.; ערוויאהר הערבערט, 20 יאהר אלט פון 76 21טע סטריט און טאני קארטעלי, 28 יאהר אלט, 116 סיקאם עוו.

6 אידען זיינען אפגעקומען מיט לייכ־טע וואונדען, ווען צוויי אויטאמאבילען זענען געקומען צו א צוזאמענשטויס. דיע־זע זיינען: נייטען אוטשניק, הערי אוטש־ניק, זיין פרוי, פראנסעס און זיין קינדער און מארטין און רוטה ווינשטיין. אלע וואוינען פון 164 גידויין עוו.

מעקסיקאנישע פרוי גיט גע־בורט צו זיעבען קינדער מיט איין מאל

מאנטעזוקא, מעקסיקא, מארטש 22. — היינט האט דא א פרוי, געבוירען זיעבען קינדער מיט איין מאל. די דאזי־גע בריה'שע געווינערין איז די פרוי פון יעזוס לאסעטען, א סאלדאט אין דער מעקסיקאנער ארמיי.

די קינדער זיינען דריי מיידלאך און פיער באיעס. יעדעס קינד וויעגט ארום צוויי פונט און יעדע איינע איז פאל־שטענדיג ענטוויקעלט און יעדען הינזיכט די מוטער אליין איז פאלקאם געזונד.

הייוואוד רופט אמעריקא „פינסטערער פלאץ"

נויארק, מארטש 22. — מר. הייוואוד, דער ראדיקאלער ארבייטער פיה־רער, האט נעכטען גערעדט אין פאלקס־הויז אונטער דער אויפזיכט פון דער „אמעריקאן סיוויל ליבערטיס ביורא". צווישען אנדערעס האט ער געזאגט פאל־גענדעס:

„דער פינסטערסטער פלאץ אין דער וועלט היינט צו טאג איז אמעריקא, און דער העלסטער און ליכטיגסטער ארט אין דער וועלט איז רוסלאנד. איך גלויב, דאס פיעלע פון אונז האפען אויף דער צייט, ווען אמעריקא וועט זיין אזוי גוט, ווי רוסלאנד איז היינט".

דעם זעלבען אווענט האט אויך גע־רעדט קאנגרעסמאן סיגעל, א קיטגליעד פון דער קאנגרעס אימיגראציאנס קאמי־טע. מר. סיגעל האט געזאגט, אז דער צווייטער „ארויספאהר" פון די רוסישע הויטע פון די הינע ברענגען וועט ניט זיין אזא לוקסוס, ווי זייערע חברים האבען געהאט, ווען זיי זענען אוועקגע־שיקט געווארען אויף דער בופארד. אין אז זי וועט מעהר ניט באגלייטען קיין נייעדעס פון דעם רויטען קרייז. זיי ווע־לען אפפאהרען, האט מר. סיגעל געזאגט, אין מיטען העלען טאג, אנשטאט אין דער פינסטערער נאכט, ווען די בופארד איז פון דאנען אוועק.

308,901 האבען זיך רעדזשיסט־רירט צו שטימען איבער קא־זענס'עס פלאן

די צאהל פון די, וואס האבען זיך רעדזשיסטרירט צום שטימען איבער קא־זענס'עס פלאן פאר שטאטישע קאר־ליינס, איז די גרעסטע, וואס איז ווען ניט איז געווען אין דעטראיט.

די ערשטע זאך, וואס דער שטאט־קלוירק האט געטאן, ווען ער איז שבת אנגעקומען אין זיין אפיס איז געווען צו באשטעלען אין דרוק מעהר באלאטס.

„דאס איז געווען די גרעסטע רעגיס־טראציע אין דער געשיכטע פון דעטראיט — האט מר. לינדסיי, שטאט קלווירק גע־זאגט — דעטראיט מעג ערווארטען אן אויסערגעוועהנליכע צאהל שטימען דעם קומענדען 5טען אפריל.

שבת איז געווען דער לעצטער טאג, וואס מ'האט זיך געקענט פארשרייבען, אדער בעטען „טראנספערס". אבער אויב איינער האט ניט געקענט זיך רעדזשיס־טרירען ווייל ער, אדער זי, איז געווען קראנק אדער אויסערן שטאט, דאן וועט מען קענען זיך רעדזשיסטרירען אויך אין דעם טאג פון די וואהלען. דאס זעלבע איז אויך ווענען טראנספערס.

די ערשטע תשובות פון די־נים און משפטים נעכ־טען פרייטאג

ווער עס האט עפעס צו פרעגען ביי א לאיער זאל זיך ווענדען אין רעדאקציע פון „וועג", דורך א בריעף, געשריבען אויף איין זייט פאפיר, מיט טינט און אנגע־געבען די אדרעס אפילו ווען מען וויל, אז דער נאמען זאל ניט געדרוקט זיין.

יעדער פראגע וועט געענטפערט ווער־ען פון די באקאנטע דעטראיטער אידי־שע אדוואקאטען י. ר. לימאן און מ. ל. ליסס.

אינם פרייטאגדיגען „וועג" וועלען פארעפענטליכט ווערען די ערשטע תשובות צו די וואס האבען זיך געווענדעט צו אינז פאר ליגאל אדווייז

ווערט מעהר ניט אטאקירען פינלאנד

וואשינגטאן, מארטש 22. — די היי־גע פינלאנדישע אמבאסאדע האט ער־האלטען א באריכט, דאס די רעגיערונג פון פינלאנד האט ערהאלטען א נאטע פון טשיטשעריג'ען, דעם באלשעוויסטישען אויסערן מיניסטער, דאס רוסלאנד וועט פון איצט אן ניט מאכען קיין אנגריפס אטאקע אויף פינלאנד.

אין א סטייטמענט האט מר. טאמאס נעכטען ערקלעהרט, דאס איהם פארדריסט זעהר וואס די אמעריקאנער ארבייטער גענויעט, אדער זי וועט גאר ניט שיקען איהרע פארשטעהער קיין רוסלאנד.

זענען ניט פארטראטען אין דער אינטער־נאציאנאלער ביורא. זייער פלאן איז פאר־גומען געווארען פון דער דענישער אר־בייטער ארגאניזאציע.

ענגלישער רעדאקטאר לייקענט אפ סאוועט'ס שטיצע פאר זיין צייטונג.

לאנדאן, מארטש 22. — דזשארדזש לענסבורי, רעדאקטאר פון דער ארביי־טער צייטונג „דיילי העראלד" האט אין א רעדע אפגעלייקענט דעם סטייטמענט, וואס איז געמאכט געווארען אין א קאָ־פענהאגענער דעפעשע, דאס ער האט באקומען פון דער סאוועטען־רעגיערונג 500 טאן דרוקפאפיער.

די דעפעשע, וועגען וועלכער לענסבורי רעדט, האט געהאט געמעלדעט, דאס די סאוועטען רעגיערונג האט אינ־סטרואירט איהר אגענט אין שטאקהאלם צו געבען דער „העראלד" די אנגערופע־נע סומע דרוקפאפיער אויף איהר חשבון.

דזשארדזש לענסבורי איז געווען לעצטע וואך צוריקגעקומען פון רוסלאנד. ער איז דארט געווען איינינע וואכען. ווי ס'איז נעכטען געווען געמעלדעט אין אן ענגלישער צייטונג, איז לענסבורי גע־פאהרען אהין מיט לאיד דזשארדזש'ס אינאפיציעלער צושטימונג, כדי אויסצו־שפרייטען א וועג פאר'ן קומענדען שלום מיט די באלשעוויקעס.

אינטערנאציאנאלע ארבייטער ביורא באטראכט רוסישע פראגע.

לאנדאן, מארטש 22. — די עקזעקוטיווע פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער ביורא, וועלכע איז באשאפען געווארען פון דער נאציאנען ליגע, האט היינט געדארפט אפהאלטען איהרע זיצונגען אין דעם קאמיטע צימער פון דעם לארדענהויז. דער פארזיצענדער פון דער עקזעקוטיווע איז אלבערט טאמאס, דער גענעראל דירעקטאר פון דער אינטערנא־ציאנאלער ארבייטער ארגאניזאציע.

ס'וועט דארט באטראכט ווערען, וואס פאר א שטעלונג די ארבייטער זאלען נעהמען צו דער רוסישער פראגע. די עק־זעקוטיווע וועט דיסקוטירען די איינלא־דונג פון דער נאציאנען ליגע צו איהר זענען שיקען 2 פארטרעטער אין דער קאמיסיע, וואס די ליגע שיקט קיין רוס־לאנד.

אלבערט טאמאס האט ערקלעהרט, דאס די ארבייטער קערפערשאפט פון דער נאציאנען ליגע קען אננעהמען די איינלא־דונג כדי צו קריגען פאליטישע אויס־קינפטע וועגען רוסלאנד און צו דער זעל־בער צייט שיקען אן אייגענע קאמיסיע דארטען, ווי זי האט עס פריהער געפלא־

3 הייזער צושטערט פון א פייער

נעכטען נאכט פריה, האט אויסגע־בראכען א מורא'דיגער פייער אויף נע־וואדא עוו., צווישען רושאוון אר סטריט און איקלאנד עוו. און ארויסגעטריבען די איינוואוינער פון 3 הייזער אין דרויסען.

דער היזק ווערט געשאצט ארום 20 טויזענד דאלאר.

אנגעפאנגען האט זיך דער פייער פון אן עקספלאזשיאן אין א געזאלין סטאוו, אין נומער 251 נעוואדא עוו. און אייגענבליקליך האט זיך דער פייער ארויס־געריסען אין די וואוינונגען פון מייקל קאס פעטי, 293 נעוואדא און מרס. האנא הייקאף, 297 נעוואדא עוו. און פון אלע 3 הייזער איז געווארען א בארג אש.

דער פייער האט אנגעמאכט א פאניק איבער'ן גאנצען בלאק. שכנים האבען גע־שלעפט זייערע מעבעל און בעטגעוואנד אין דרויסען ארויס און ס'האט געמאכט אן איינדרוק ווי דער גאנצער בלאק וואלט געברענט. איינגעשטילט האט זיך דער עולם ווען די פייערלייט האבען גענומען די סיטואציע אין זייערע הענד און אפגע־שטאפט דעם פייער פון געהן ווייטער.

9 פערזאן שיער ניט פאר־ברענט אין א פייער אויף מולעט סטריט

זונטאג פריה זיינען 2 פאמיליעס, באשטעהענד פון 9 פערזאן, שיער ניט פאר־ברענט געווארען פון א פייער וואס האט ארומגעכאפט זייער פלעט אין 336 מו־לעט סטריט.

דעם פייער האט ענטדעקט אנטאני בערסאני, וועלכער וואוינט אין 340 מו־לעט סטריט. ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און דערפיהלט א רויך, וואס רייסט זיך פון דעם נעקסטען וואוינונג. ער איז באלד ארונטערגעלאפען, אויפגע־וועקט די צוויי שלאפענדע פאמיליען און זיי אלעמען ארויסגעראטעוועט.

די געראטעוועטע זיינען: דזשיימס ה. קראופער און זיין פרוי, און דזשיימס פארטער, זיין פרוי און 5 קינדער. פאר־טער איז לייכט צוברענט געווארען, ווען ער איז געלאפען אין די פלאמען ראטע־ווען זיינס א קינד. דאס קינד האט גאר ניט געשאדט.

דער שאדען באטרעפט ארום $3,500

פארמשפט'ער געלויבט פון זיינע פריינד

מינאמיני, מיש. — מארטש 22. — מ. ענדריוס, איינער פון די געפונענע שולדיג אין ניובערים משפט, איז ביי זיין אנקומען אהער אויפגענומען געווא־רען פון פארשיעדענע דעפוטאציעס. מר. ענדריוס איז רעדאקטאר פון דער ארטי־גער צייטונג. ער איז פאר'משפט געווא־רען אויף 18 מאנאטען טורמע אין פארט לייווענווארט.

„מיר זענען שטאלץ מיט אייך, מר. ענדריוס — האט געזאגט מר. לאיד, פרעזידענט פון דער לאיד קא, איינער פון די גרעסטע א הוסטריעלע אונטערנעהמונ־גען.

„מיר גלויבען אין אייך — האט מר. לאיד ווייטער געזאגט — כאטש איהר זענט טעכניש שולדיג אין באנעהן א פאר ברעכען, זענען מיר דאך אייך דאנקבאר פאר דער ראלע, וואס איהר האט גע־שפיעלט אין באזיעגען העגרי פארד, אלס סענאטאר. מיר שטעהען מיט אייך ביז דעם [illegible]".

מר. ענדריוס האט געענטפערט, דאס ער און די איבעריגע געפונענע שולדיג האבען ניט קיין שום מאראלישע געוויס־סענביסע.

„מיר ענטשולדיגען זיך ניט פאר דאס וואס מיר האבען געטאן — האט מר. ענדריוס געזאגט — מיר האבען עס גע־טאן, ווייל מיר האבען געגלויבט, אז דאס איז ערלויבט פון געזעץ און מאראליש די גערעכטע זאך צו טאן. אונזערע אי־בערצייגונגען האבען זיך וועגען דעם ניט געביטען. מיט מיין גאנצער אויפריכטיג־קייט זאג איך, דאס עס איז בעסער, אז 17 פראמינענטע פערזאן פון מישיגאן זאלען ווערען באשטראפט אין די נידע־ריגע געריכטען, איידער הענרי פארד זאל זיצען אינ'ם סענאט פון די פאראייניג־טע שטאאטען און זאל פארטרעטען מי־שיגאן'ס אמעריקאניזם. אונזער קאמף האט זיך איצט אנגעפאנגען".

מר. ענדריוס האט געקראגען א סך בלומען פון זיינע פריינד.

אין מארגענדיגען „וועג"

אין אינטערעסאנטער ארטיקעל פון דעם באוואוסטען סאוועטען פיהרער און קריעגס און שפייז מיניסטער **לעאן טראצקי** וועגען דער ראלע פון די דע־ניקינ'ס, ערשיענען אין די „איזוועסטיא" איבערזעצט אין אידיש וועט זיין גע־דרוקט אין מארגענדיגען נומער „וועג".

פאמיליע מיט 7 קינדער געצוואונגען צו וואוינען אין א שטאל

Public Library 42nd and 5th Ave.

איוף ווי וויט דער מאנגעל אין וואוי־נונגען האט שוין ביי אונז אין שטעדטעל דערגרייכט איז צו זעהן פון דעם פאקט וואס עס איז די טעג באקאנט געווארען אז א געוויסער סאמיועל דאגהערטי, א טיעמסטער, וועלכער איז געקומען אהער מיט 6 מאנאטען צוריק פון פילאדעלפיע, איז געווען געצוואונגען צו וואוינען מיט זיין פרוי און זיעבען קינדער אין א שטאל.

טאג איין טאג אויס האט די מרס. דאגהערטי געזוכט א פלעט פאר איהר און איהר פאמיליע, אבער ס'איז געווען אומ־זיסט. ווען די לענדלארדס האבען אויס־געפונען אז זי פארמעגט 7 קינדער, האַ־בען זיי זיך אנטזאגט איהר צו פארענ־טען א הויז.

איז די דאזיגע פאמיליע געווען גע־צוואונגען ארויסצומופען אין א שטאל, וואס געפינט זיך אין די בעק פון 441 ליווערנאיז עוו. דער שטאל איז זומפיג און געגען אלע רעגלען פון סאניטאריע־פונקטערען. האט דער לענדלארד פון'ם שטאל זיך ניט געשעהמט צו בעטען 35 דאלאר א מאנאט רענט, און האט עס נעקראגען אויך. אן אנדער ברירה האט די פאמיליע געהאט?

די פארטרעטער פון דער בארד אוו העלטה האט מרס. דאגהערטי דערצעהלט אז זי האט געדארפט נעהן צו שכנים שנארען וואסער פאר קאכען און רייניגען

ווי ה. גרייסער פון דער בארד אוו העלטה, האט פארשפראכען דער מרס. דאגהערטי, אז ער וועט איהר אויסזוכען א וואוינונג.

אט צו אזא פונקט האט שוין די [illegible] פלאגע אין דעטראיט דערגרייכט!

ניובערי באשולדיגט ווילסאנ'ס אד־מיניסטראציע אין זיין פסק

גרענד ראפידס, מארטש 22. — פאול קינג, קאמפיין מענעדזשער פון סענא־טאר ניובערי און וועלכער האט צוזאמען מיט'ן סענאטאר געקראגען די העכסטע שטראף, האט נעכטען ארויסגעגעבען א צוגעגרייטען סטייטמענט.

דער סטייטמענט לעזט זיך, ווי פאלגט:

„כאטש איך בין זעהר איבערראשט, בין איך דאך ניט אינגאנצען ניעדערגע־שלאגען פון דעם רעזולטאט פונ'ם משפט ער, דער משפט, וויוזט איינפאך אן אויף דער שטארקער מאכט פון דער אדמיני־סטראציע, מיט אלע רעגיערונגס אגענ־טורען צו איהר דיענסט און אונטער־שטיצט פון דעם גרויסען איינפלוס און אומגעהויער גרויסען פארמעגען פון הענ־רי פארד.

קיין דזשורי און קיין געריכט זענען ניט פעהיג צו מאכען פון מיר אדער פון מיינע גלענצענדע מיטארבייטער א קרי־מינעלען פארברעכער. מיר אליין זענען די איינאיינציגע וועלכע וואלטען עס גע־קענט, אדער קענען עס טאן. מיר האבען עס ניט געטאן און מיר וועלען עס ניט טאן.

„עס איז, א דאנק גאט, דא אן אנדער טאג און אן אנדער געריכט, וואו גערעכ־טיגקייט וועט ענדליך הערשען און דיע־זער טיוועלשער סאט וועט פארניכטעט ווערען.

„ס'איז ניט געווען קיין איין איינצי־גער אקט פון קארופציע אין דעם סענא־טארישען קאמפיין און דער ענטגילטי־גער רעזולטאט וועט באווייזען, אהן א שאטען פון צווייפעל, דאס ער איז גע־ווען דער ריינסטער קאמפיין, וואס ס'איז ווען ניט איז געפיהרט געווארען און ניט א קרימינאלע קאנספיראציע".

היסט דעפארטירען אלע סא־ציאליסטישע אגיטאטארען

אין א רעדע, וואס דזשאדזש גרע־העם, אן אויטאמאביל מאנופעקטשורער פון באפלא האט געהאלטען לעצטען שבת אווענט פאר די מיטגליעדער פון דעם ראיטער אטלעטיק קלאב, האט ער ער־קלעהרט, אז מען דארף דעפארטירען אלע אגיטאטארען, וואס שטעלען אין געפאר די עקזיסטירענדע ארדנונג.

„אונזער דרינגענדע נויט ביי יעצטי־גען מאמענט האט דער אויטאמאביל מא־נופעקטשורער געזאגט — איז ניט צו בייטען די רעגירונגס־סיסטעם, וועלכע האט זיך ארויסגעוויזען אלס די בעסטע נאך יאהר הונדערטער עקספערימענטען, נאר צו זעהן, אז אן דער שפיצע פון אונ־זער רעגיערונג זאלען שטעהן שטאטס־לייט, וועלכע וועלען פארטזעצען די פריינדשאפט וואס די מלחמה האט איינ־געמויערט צווישען אונז און ענגלאנד און פראנקרייך".

CLASSIFIED

פארטנער פארלאנגט, צו איין בוטשער שאפ אין בעסטען אידישען נעגענד מוז זיין עקספיריענסד אדער־אין גאנצען צו פארקויפען, פרעגען 1253 הייסטינגס סט. פאר מר. שעכטער. (25

פסח׳דיגע שמאלץ צו פארקויפען, $1.25 א פונט. מר. סלאן, 169 גודווין אין די דיער. (28

סטאר און פיקטשורס צו פארקויפען אין קאונטרי מיט 15 הונדערט דאלאר אין בעסטען לאקיישאן, קען קריגען א ליס. 125 דאלאר א חודש רענט. זיכער צו מאכן געלט. פרעגען י. ל. מאלאמוט אין „וועג״ אדער באקס נומער 125 (אוגוסט בראדערס) (26

כשרה הויזקיפער פארלאנגט. אין א פיינע אידישע הויז אין פאנטיאק. מוז קאנען גוט קאכען און אויך אויפפאסען די הויז. גוטע היים און גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאן. רייזע קאסטען אומגעקעהרט אויב ניט צופריעדענשטעלענד. נאכפרעגען: וואלף לאנדאו, 15 פארנס וואַרטה. — טעל. נארטהוויי 1675 אדער בען לאנדאו, 620 בראַש סט. מעלראוז דזשיי 1310 (26

צו פארקויפען, א הויז אויף 55 טשוירטש סט. מט. קלעמענס מישיגאן. 10 רומס אלע מאדערנע אימפרואוומענטס, פרייז $8.000 איינצאהלען $3.500 פרעגען: ג. זוסמאן 2040 דזשאזעף קעמפאו.

צו פארקויפען. א גוט עסטאבלירטע קריסטליכע בוטשער שאפ אויף 703 הייסטינגס, נעבען אליגוים, אורזאכע פארטנערס שטימען ניט. (26

צו פארקויפען א 7 רום הויז; מאדערן צו דער מינוט, אויף קאמען־אן, נעבען האלברוק, איינצאהלען $2500. טעלעפאן נארטוועי 4967־עם.

שפייז דרעפטס קיין צענטראל אייראפא

די אמעריקאן סטייט באנק אין דעטראיט, גיט יעצט ארויס שפייז דרעפטס נאך צענטראל אייראפא

צוליעב דעם באַם וואס הערשט אין צענטראל אייראפא און צוליעב דער אלגעמיינער נויט און די לידען וואס די פעלקער פון פוילען, טשעכא סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן און איינינע טיילען פון דייטשלאנד, שטעהען איצט האט די אמעריקאן רעליעף אדמיניסטריישאן פון ניוארק עטאבלירט איינעם העדהייזער אום צו שיקען שפייז צו יענע אומגליקליכע.

די אמעריקאן רעליעף אדמיניסטריישאן האט באשלאסען איבערצושיקען דיזע שפייז דורך שפייזדרעפטס, וואס ווערען ארויסגעגעבען פון איינינע בענק אין די פאראייניגטע שטאאטען. דיזע שפייזדרעפטס ווערען ארויסגעגעבען, ווען איינגעצאהלט די פולע סומע וואס איז אנגעצייכענט אויף יעדען דרעפט, וועלבע צירקולירען אין צווי דענאמינישאנס — 10 און 50 דאלארינע.

די אמעריקאן רעליעף אדמיניסטרישאן האט אויפגעמאכט 4 פארשיעדענע אסארטמענטס צו דעליווערן צו דער פערזאן וועמען מען שיקט דאס. די לאטס ווערען באצייכענט א. ב. ג. ד.

א — 24 פונט מעהל, 10 פונט בינס 8 פונט בייקאן, 8 קענס מילך. דאס קאסט 10 דאל.

ב. — 140 פונט מעהל, 50 פונט בינס, 16 פונט בייקאן, 15 פונט לארד 12 פונט קארנביעף. 48 קענס מילך. דאס קאסט 50 דאלאר.

ג. — 24 און א האלב פונט מעהל, 10 פונט בינס 7 און א האלב פונט קאקאו סיד אייל, 12 קענס מילך. דאס קאסט 10 דאלאר.

ד. — 140 פונט מעהל, 50 פונט ביענס, 45 פונט קאטאן סיד אויל, 48 קענס מילך. דאס קאסט 50 דאלאר.

דורך דער העפליכקייט פון דער אמעריקאן סטייט בענק, 115 גריזוואלד סט. קען יעדער איינער שיקען ניט קיין פעקעל נאר א שפייזדרעפט צו זיינע קרובים. די שפייז געפינט זיך אין די אייראפעאישע ווערהייזער פון דער אמעריקאנער רעליעף אדמיניסטראציע. דער קויפער צאהלט ניט קיינע עקסטרא. בלויז די פרייז פון דעם דרעפט. און ווער עס ערהאלט דעם דרעפט באקומט פון ווערהויז דעליווערט די שפייז.

אנשטאט בייקאן אדער לארד באקומען אידען א פארעווע איל אדער שמאלץ וואס איז זעהר געשמאק און נארהאפט.

די אמעריקאן סטייט בענק האט א ספעציעלען דעפארטמענט הינטער דער אויפזיכט פון מר. עלען. ווענט זיך מיט איהם פאר מעהר איינצעלהייטען.

שיקט אריין נאר 2 דאלאר

וועט איהר באקומען א האלב יאהר צייט איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסטע אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.

דאס „פאלקסבלאט״,

א דעמאקראטישער ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.

דורכ׳ן „פאלקסבלאט״, וועלכעס האט איינענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוילען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.

דורכ׳ן „פאלקסבלאט״ קאנט איהר אויך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.

דאס „פאלקסבלאט״ וועט אייך אויך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.

דורכ׳ן „פאלקסבלאט״ קאנט איהר פערקניפען געשעפטליכע בעציהונגען מיט מזרח־אייראפא.

דער בעסטער און ליעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך דאס „פאלקסבלאט״. אדרעס:

Lodz, Petrokowska 37, Poland

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר׳ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט אין 140 מידזשרוי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נעמט נאר פון ריינער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט זיין חרטה ניט האבען. פאדערט דוראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פוירנישינג, העטס, יאנג מענס און בא׳ים קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעסיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין. פראפ.

קוואסלאוו און קאטליער׳ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פוירנישינגס, נאָטיי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטרים

שעכטער׳ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קורטענס, פענסי דריגודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת׳ע

Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענטער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
סו קומט צו
מ. ראמניטץ
245 מאנטקאלסט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווא׳ קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעליעבל סטאר פיקסטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עם.

ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע
עופרידענהייט
5׳1 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען־פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישא׳ גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגנעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

TELEPHONE CANAL
VIENNA SAUSAGE MFG. Co.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef Tongues, Etc.
U. S. INSPECTION, ESTABLISHMENT
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.
אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט
צו אלע דעטראיטער פעדלערס:
— די —
סטענדערד באגעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באגעלס.
דוד האכמאן, מענעדזשער

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

דריטע טייל
אהיים

צום קאנסטאנטינאפאלער פארט וואו מען קען מיט דעם פאראחאד פאהרען פאר עטליכע רובל צוריק קיין אדעס, קיין רוסלאנד, צוריק א היים, אהין איז לאה גיט אנטלאפען.

און זעהר גוט האט זי געטאן, ווארים ווען זי לויפט צום פארט וואלט מען זי געווים געכאפט, ווען ניט דא איז אין דעם אדעסער פארט, ווייל אויף די ערטער דרעהען זיך ארום די חברה מיט זייערע אגענטען ווי פיסט און גאנץ אפט געפינען זיי זייערע אנטלאפענע. יאה׳ס בעל בית האט אויך גיט געשווינען און געטאן אלע מעגליכקייטען זי צו געפינען, אז עס וואלט איהם געווים גערונגען ווען זי זאל נא־ נעווען אנטלויפען מיט דעם וועג.

לאה האט אבער איהר „אנטלויפען״ פריהער גיט באטראכט, אז זי אז זי זאל שוין קענען דארפען אנקומען אין זייערע הענט. וואו דער טויט וועט איהר זיין ליעבער ווי דאס לעבען. זי איז פריהער געוואהר געווארען אז פון קאנסטאנטינאפאל קיין רוסלאנד קען מען אויך קומען מיט דער יבשה. ד. ה. איבער מאקעדאניע, בולגאריען, רומעניען א. אז. וו. איבער יעדעס שטאדט זי דארף פאהרען, האט זי ניט געוואוסט, זי האט נאר געוואוסט אז די ערשטע שטאדט איז אדריאנאפאל פאר דער לעצטער גרעניץ איז זי אין דער שטאדט געקומען. —

דא אין דער פרעמדער שטאדט אין דעם פרעמדען לאנד, מיט פרעמדע שפראכען וואס זי האט אין איהר לעבען ניט געהערט, האט זי געזעהן אז זי איז א שטימע, קיין צוויי מען איז זי דא גיט געשטאנען. זי האט פארקויפט אלע איהרע זייערנע קליידער וואס איהר בעל הבית האט איהר געגעבען צו טראגען ביי איהר אין הויז. און פאר דעם געלט איז זי איבערגעפאהרען גאנץ בולגאריען. וואס עס איז נאר געוועזען אויף איהר האט זי פארקויפט און פאר דעם לעצטען גראשען האט זי זיך היים דערגרייכט אין דער הויפטשטאדט פון רומעניען־בוקארעשט.

דא האבען זיך איבערגעלאזט איהרע אלע מיטלען ווייטער צו פאהרען, עס האט ניט געהאלפען איהר טראכטען מיט איהרע פלאנען; דערווייל זענען שוין אוועק געגאנגען עטליכע טעג און איהר בעל בית׳טע האט שוין געמאכט פאר איהר בעטעל פאר עטליכע נאכטלעגער.

איין מאל ווען די בעל בית׳טע אין זעהר צופעטמאנגען זי זאל איהר באצאהלען און אנגעהויבען אויף איהר קרייען זעהר, פא לעבטע, האט לאה איהר געענטפערט: „מארגען וועל איך אייך באצאהלען, מארגען איז א תרופ׳ן״. זי האט איהר עפעס אזוי פארזיכערט געזאגט, אז די בעל בית׳טע האט גערידען, ד. ה. פארזיכערט אז מארגען וועט זי איהר באצאהלען.

און מערקווירדיג לאה איז געוועזען פארזיכערט אז מארגען וועט זי איהר באצאהלען. כאטש זי האט נאך קיין שטיקעל האפנונג ניט געהאט וואו צו קריגען געלט. פאר וואס זשע האט זי אזוי פארזיכערט אז מארגען וועט זי געווים באצאהלען? — זי האט אליין ניט געוואוסט.

דער אבענד איז נעכטער געווארען. נאך דעם אוונד קומט די נאכט און נאך דער פריה מארגען, זעהר שרעקליך האט איך איהר פארגעשטעלט דער מארגענדיגער טאג. זי האט זיך גענומען שטארק באטראכטען וואס מען טוט. דער מארגען זאל ניט זיין אזוי פאר איהר שרעקליך.

— וואו אהין זאל איך געהן, וואס זאל איך טאן? האט זי זיך איבערגעפרעגט צום צעהנטען מאל, עס זענען האך דא אויף דער וועלט נאך א סך אזעלכע, ארימע בוידלעדיגע ווי איך, פון רעסטוועלען איז זיי אזוי ניט שלעכט ווי מיר, די האט א שטעלע, די געפינט זיך אהבית, עס געפינען זיך גוטע מענשען וואס האבען רחמנות. —

עס זענען איהר אויפגעקומען די אלע עהרליכע געדאנקען וועגען עהרליך האדעוועלן און זיך פארדינען, פונקט ווי אמאל ווען זי האט געטראכט איידער זי זיך האט פארלאזט איהר שטאדט ר׳. נאך באלד האט זי זיך מיט גרייס שרעקעניס דערמאנט וואס עס האט זיך אין ארעם אויסגעלאזט פון אזעלכע אלע עהרליכע געדאנקען, פון איהרע אלע שטעלען.

— ניין איך וויל ניט קיין שטעלען, איך וויל ניט אז גוטע מענשען זאלען אויף מיר רחמנות האבען, איך וועל בעסער אט דא שטארבען פאר הונגער איידער אנצוקומען נאך שטעלען און צו יענעם נאך טובות!

נאך איינינע מינוטען איז איהר אויפגעקומען א נייער געדאנק:

— בין איך דען איינע, פאר וואס אלע אין מיין לאגע איז גוט, זיי באקומען שטעלען און זענען צופרידען, זענען זיי דען ערגער פון מיר, בין איך דען עהרליכער פון אלע מיידלעך אויף דער וועלט?

זי האט זיך אויף דער פראגע שטארק פארטראכט און קיין ענטפער זיך ניט געקענט געפינען זי האט נאר באשולדיגט זיך אליין. און דעם צוזעהבען שטיקעל גלאז שפיגעל וואס איז איבער איהר בעט געווען אנגעקלעבט אויף דער וואנד האט זי דערזעהן איהרע צוויי שעהנע שווארצע אויגען, איהרע דינע ליפען, איהרע ווייסע, ווי פערל ציינער, איהרע שעהנע האר. שוין זעהר לאנג אז זי האט ניט געקוקט אין שפיגעל. שוין לאנג אז זי האט אויף זיך קיין קוקנים געטאן. זי איז געוועזען פארזיכערט אז זי איז שוין אזוי מיאוס, פארוויסט, פארפינסטערט, פונקט ווי איהר וויסט פינסטער מזל איז. זי האט ניט ערווארטעט, זי זאל נאך אזוי שעהן אויסזעהן.

כאטש פון איהר זיין אין קאנסטאנטינאפאל איז זי א סך עלטער געווארען. אפגעצויגען און מיט איינגעפאלענע באקען, אבער איהר שטענדיגער אייגענער רייטער פארב, נאר דאס אלעס האט צפעט ווי געפאסט צו איהרע גוטע לעבעדיגע אויגען.

הינט דעם האט לאה פון תמיד אן געגרייבט דער ויערט, ווען מען האט געזאגט אז זי איז שעהן, זי האט שטענדיג געזאגט אז זי איז עהר שעהן. נאר זי האט שוין לאנג וועגען דעם פארגעסען, איצט האט זי ווידער א קוק געטאן אין שפיגעל האט זי זיך דערמאנט.

ווי א שעהן מיידעל ווען זי באקומט פאקען זי שטעהט אויף פון איהר קרענק אין דערזעהט אין שפיגעל ווי איהר שעהן פנים איז שרעקליך פארענדערט „געוואר־ען, פול מיט שטופלען, מיאוס! אזוי זי לאך איך דערשראקען געווארען ווען זי דא דערזעהן אז זי איז נאך שעהן! מיט גרויס ציטערניש האט זי זיך אנגעבאפט ביים קאפ:

— אט וואס מיין אומגליק איז! אט וואס עס האט מיך געבראכט צו אזוי גרויסע אומגליקען און צרות! ווארים ווען איך זאל ניט זיין שעהן, וואלט מיך קיינער ניט ליעב געהאט ניט ער. (זי האט געווים געמיינט פיאדאר׳ן) עס וואלט זיך מיט מיר גאר ניט געטראפען איך וואלט איצט געוועזען איין עהרליך מיידעל. הייך מיט אלע. או אפילו ווע עס זאל זיך מיט מיר יא געוועזען עפעס טרעפען ווי עס טרעפט זיך און און עס וואלט מיר זייגעקומען שלעכט ווי איך דער צייט ווען איך בין געקומען קיין אדעס, וואלט איך געקענט זיין אויף א שטעלע גליך מיט אלע מיידלעך, איך וואלט מיר מיין ארבייט אפגעהיט און קיינער וואלט מיך ניט געטשעפעט, קיינער וואלט צו מיר גאר ניט געהאט. ווען איך זאל ניט זיין שעהן וואלט איך דען איצטער געהאט אזעלכע צרות ווי איך האב? איך וואלט געווען גליקליך, איך וואלט זיך געגאנגען ערגעץ קריגען ארבייט; איך וואלט געבעטען גוטע מענשען זיי זאלען אויף מיר רחמנות האבען און מיר געבען ארבייט א שטעלע. —

— קיינער, קיינער וואלט מיך ניט געטשעפעט, מען וואלט מיך געלאזט רוהיג הארעווען, רוהיג לעבען, קיינער וואלט מיך ניט געשטערט עהרליך לעבען, אוי ווי אומגליקליך זענען מיר מיידלעך ווען מיר זענען שעהן, ארים און שעהן!... וואס זאל איך איצט טאן? געהן בעטען איטיצער זאל קריגען פאר מיר ארבייט, וועט ער מיט היטראסט ווי א פוקס ווערען מיין בעל טובה׳ניק, רחמנות האבען אויף מיר, מיט העלפען מיר און מיט א רחמנות פנים זאגען מיר: „איין עברה צו פארשמירען אייערע ווייסע שעהנע הענטלעך״. געהען איז א שטוב דיענען וועט זיך שוין געפינען דער בעל בית. אדער דעם בעל בית קינדער וואס וועלען רחמנות האבען אויף מיר און צר זאגען גליקען, מיר שטערען מיין ארבייט; קען איך דען פארגעסען ווי די ארעסער בעל בית׳טע האט מיך מיט שאנדע ארויסגעטריבען; איין נאט ווייסט דעם אמת אז איך בין היין. איך בין ניט שולדיג...

— ניין, לאז זיין וואסעס זאל זיין איך וועל ניט בעטען קיין ארבייט, איך וויל ניט זיין אויף קיין שטעלע.

זי האט געפוהלט ווי דער קאפ דרעהט זיך איהר זעהר פון פיעל טראכטען און זי איז אריינגעגאנגען צו דער בעל בית׳טע אין קיך אביסעל זיצען, אין אוויוועו האט זיך נאך געהייצט, די בעל בית׳טע איז געוועזען פארנומען ביים אויווען און איהרע קינדערלעך האבען זיך געמוזט אליין שפיעלען ביי דער טיר. לאה האט שוין לאנג ניט געזעהן קיין קינדער, זי האט זיך אויף זיי פארקוקט.

דאס עלטערע קינד, א יונגעלע פון א יאהר זיבען איז געזעסען רייטענדיג אויף איין אפגעבראכען שטעקעל פון דעם אויווען און מיט גרויס פרייד געשריען צו זיין קליין שוועסטערל פון א יאהר פינף:

— די פ ר י י ד ע ל ע זעה זיך אזוי אנידער גוט און טרייב ביך אזוי. וועלען מיר גלייך אוועקפאהרען קיין רוסלאנד נאך סחורה. מיר וועלען קויפען די סחורה וועלען מיר פאהרען צוריק אהיים. די מאמע וועט אונז שרייבען בריעף און עס וועט זיין אזוי גוט! — נעם די ווישקע און האלט זיי שטארק. האט ער ווייטער געשריגען און האט איהר דערלאנגט א די עקען פון צווי לאנגע בענדלעך וואס ער האט געהאלטען אין מויל, מיט גרויס פרייד און מיט א קוויטש

וואס האט געהילכט איבער דער קיך ווי פון א זילבערן גלעקעל, האט פריידעלע אנגעכאפט די עקען־בענדלעך, זיך אנידערגעשטעלט אויף רייטענדיג אין עק שטעקען, א שמייך געטאן אויף מיט א בענדעל וואס האט געדינט פאר א בייטש און מיט גרוים גדלות אויסגעשריען: מאמעניו, זיי געזונד־ איך פאהר אוועק קיין רוסלאנד, איך וועל דיר שרייבען בריעף, גיב אכטונג אז מיין ליאלקע זאל ניט וויינען, אלע אין דער פריה זי אנטאן, אויסצוואשען און אפוואשען, ווען איך וועל קומען צופאהרען וועל איך איהר ברענגען א סך מתנות, אבי זי זאל ניט וויינען אז די מאמע פאהרט אוועק.

(פארטזעצונג פאלגט)

אדווערטייזט אין „וועג״

ווארע ביליג פאר סטאר־קיפערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353־355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

אלומינום און גראניט־וועהר לכבוד פסח

אויך א פולען ליין קראקערי קריגט איהר ביי

ווילט איהר סיוועט 30 פראצ.? ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאווס ראנגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— ראן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

האלס צו פארענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטעראַרישע אוונטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטאוס.

קאפלאן׳ם בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטרים
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאר נענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס וואלענס און קאטין גודס. פארשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קוירטענס; טייבעל קאווערס; שעטס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס.
א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט חאי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

מיט צוויי סיסטעמען קומט דאובעל פעיר

און עס קען ניט זיין קיין עקסשטשענדזש פון טרענספערס

וועט די דעטראיט יונייטעד רעילוועי, נעמען טרענספערס פון אנדערע ליינס פון אנאנדער רעילוועי?

אט די פראגע שטעלט זיך דער סטריט קאר פאהרער.

דאס פאלק איז בארעכטיגט צו א ריכטיגען ענטפער.

פאר אלע וואס זיינען באוואוסטזיניג און האבען ניט קיין אינטערעס אין פאליטיקס איז די פראגע ווירקליך אינטערעסאנט.

. גליקליכערווייז אפערירט דעטראיט איהרע ליינס אויף א נידריגער פעיר איבעראל. און דאס איז נאר א דאנק דעם וואס ביז איצט האבען מיר בלויז איין קא. איין פאראייניגטע ליניעס פאר א טויזענד מייל טרעקס. דיזע סיווינגס האט די קא. אבגעגעבען צו איהרע פאסאזשירען און דער פארם פון איין פעיר מיט טרענספערס.

אויב די איין פעיר וועט דארפען צוטיילט ווערען אויף מעהר ווי איין סיסטעם וועט אויסקומען אז קיינער פון די קאס. וועט ניט קענען צאלען די עקספענסעס. דאס מיינט פערליור און סוירווים. א פארלוסט צו די אינוועסטארס מיט א דעפיציט פאר דער אנדערער ליין אויב עס זאל ווערען מוניסיפאל אונערשיפ.

אזא מוראו וועט ארויפלעגען אן עקסטרא שווערען יאך אויף דעטראיט, און דער סטראשונאק פון אוועקנעמען די אינטעראורבאן קארס, איז פונקט אזא סטראשונאק ווי צו זאגען אז מען וועט צווינגען די ד. יו. אר. צו באנקראט.

אן עקסטשיינדזש פון טרענספערס מיינט אז יעדע קא. פיהרט צוויי פאסאזשירען פאר איין פעיר. דער פאסאזשיר צאהלט בלויז א האלבע פעיר צו א קא. און דאס מוז פיהרען צו פארלוסטען.

ווען מען גיט אלזא צו אז מען מוז האבען כאטש 5 סענט פאר א פאסאזשיר איז דאך פארשטענדליך פאר אלעמען אז ווען צוויי קא. וועלען זיך דארפען צוטיילען מיט די 5 סענט. וועט פארביידען ניט זיין גענוג.

דאס האט גערוויזען די ערפאהרונג פון שטעדט וואו עס עקזיסטירען צווייערליי ליינס.

מיט יאהרען צוריק ווען אין דעטראיט זענען געווען צוויי אדער דריי פארשידענע סיסטעמען האט מען ניט געקענט געבען קיין טרענספערס, און בלויז דערפאר האט געמוזט ווערען א דעטראיט יונייטעד ליינס צו נעמען בלויז איין פעיר און א קליינע ווי ווייט מעגליכך, פאדערט זיך בלויז איין סיסטעם, כדי די שטארקע ליינס זאלען שטיצען די שוואכערע.

נעמענדיג דיזע פאקטען אין אמבאטראכט ערקלערט די קא. אז זי וועט ניט קענען געבען קיין טרענספערס און אויב דאס פובליקום וויל אויסמיידען צו צאלען צוויי קאר פעירס, זאל עס געדענקען אז דעטראיט דארף האבען א פאר איינציגע סיסטעמע.

דיזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט ביי דער

DETROIT UNITED RAILWAY

וואטשט פאר ווייטערע ערקלערונגען וואס די קא. וועט פארעפענטליכען.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

ווער דארף בויען דעם אידישען האספיטאל

פריהער א קורצען סך הכל פונם נעכטיגען לייט ארטיקעל:

אין סט. לואיס האבען די ארטאדאקסישע אידען מיט א פערטעל יאהרהונדערט צוריק איבערגעגעבען די פיהרונג פון דעם אידישען האספיטאל אין די הענט פון די רעפארמירטע "יאהודים".

די יאהודים האבען דעם אידישען האספיטאל געמאכט אידיש נאר אינם נאמען. אין דער ווירקליכקייט איז ער נישט כשר און נישט אידיש.

וואס זאגט מען אונז דא, אין דעטהאיט?

די איצטיגע מתעסקים — דערקלעהרט מען אונז — זיינען הייסטינגס סטריטער אידען.

דאס ווארט "הייסטינגס סטריטער אידען" מיינט, אז זיי זיינען נישט רייך, אז זיי קומען צו מיטינגען מיט פראסטע פינדזשאקלעך און ניט "פול דרעס", אז זיי זיצען ביי פארזאמלונגען מיט די קאפעלושען, אז זייערע באנק ביכלעך זיינען מאגערער ווי די מאגערע זיבען זאנגען וואס פרעה האט אין חלום געזעהן; אז זיי זיינען נישט קיין גרויסע בטוחים און — דער עיקר פון אלע עיקרים — דער איד פון די רייכע גאסען האט קיין חשק נישט מיט דיזע אידען צו געהן צו איין טיש און אז די רייכע רעפארמער ווי־לען מיט זיי מגע ומשא נישט האבען.

אט דאס איז ביי זיי דער חסרון.

און אט דאס איז ביי אונז די גרעסטע מעלה.

און טאקע נאר א השגחה פרטית איז עס וואס דער סט. לואיס'ער איד האט פארבלאנדזשעט צו אונז און אונז געגעבען א געלעגענהייט צו בארעכטיגען אונזער מיינונג.

ווי געזאגט אינ'ם נעכטיגען לייט־ארטיקעל האבען מיר זיך אפגע־האלטען מיט א תשובה אויף דעם בריף פון דעם פרעזידענט פון דער דע טראיט'ער היברו האספיטאל אסאסיאיישן, ווייל זיינע ארגומענטען וואס ער האט אונז אנגעגעבען פאר דעם איז יעצטיגען אפהאלט פון ממשות'־דיגער ארבייט, האבען מיר אליין געוואוסט און מבח די אויסזיכטען אויף דער נאהענטער צוקונפט, האט דער פרעזידענט כמעט נישט גערעדט.

ווען מיר האבען אהן איהם געוואלט אויסגעפינען די פראספעקטען פון דער צוקונפט, האבען מיר זיך אנגעשלאגען אויף מענשען, וועלכע האבען מיט בטול געקוקט אויף דער אונטערנעהמונג, ווייל צווישען די אונטערנעהמער זיינען נישטא קיין רייכע אידען פון די רייכע גאסען, ד. ה. אין אנדערע ווערטער: עס פעהלען די "יאהודים".

א פאר פון אונזערע לעזער זיינען אויך געקומען צו אונז אין רעדאקציע און מיט אונז גאנץ ערנסט ארומגערעדט די "פארצווייפעלטע" לאגע פון דער שפיטאל־באוועגונג. און פארצווייפעלט איז, לויט זייער מיינונג, די לאגע אויך דערפאר וואס עס נעהמען אין איהר קיין חלק נישט די יאהודים.

וואלט אונז געווען איינגעקומען ארויסצוזאגען בלויז השערות, אז דוקא דאס איז קיין חסרון נישט, נאר גיכער א מעלה.

מיר האלטען זיך אבער תמיד אפ פון השערות.
נון קענען מיר איצט קומען מיט פאקטען:
סט. לואיס!

אין סענט לואיס זיינען די ארטאדאקסישע אידען פארצווייפעלט געווען און האבען נישט וויסענדיג געמיינט אנקומען צו די אידען פון די רייכע גאסען; זיי האבען זיך איבערגעגעבען צו די רייכע רעפארמער.

מיר זאגען דא אפען און קלאהר, אז אן אינסטיטוציע אונטער דעם פיהרערשאפט פון רעפארמער איז נישט קיין אידישע.

און אויב די דעטראיט'ער אידען זאלען זייער באוועגונג פארשא־פערען צו די רעפארמער, ווי זיי האבען דאס שוין איין מאל געוואלט טאן, וואלט דאס געווען אן איבערגעאיילטער און נישט קיין באַרעכענטער שריט.

ווארים זיי וועלען זיך גיך איבערצייגען, אז דער שפיטאל איז נישט אידיש.

א אידישער אנשטאלט, א אידישע באוועגונג, א אידישער פאראיין, א אידישע סאסייעטי דארף זיין אידיש און קיין שום קאמפראמיס.

פון אט דעם שטאנדפונקט ארויסגעהענדיג געפעלט אונז אפילו נישט ווען א אידישער פאראיין צעשיקט ענגלישע פאסט־קארטלעך צו זיינע מיטגליעדער.

און בפרט שוין ווען דא איז די רייד פון א אידישען, פון א כשר'ן האספיטאל, וואס האט דעם צוועק צו זיין א הילף פאר דעם ארטא־דאקסישען און פאר דעם היימישען אידען.

אין אזא שפיטאל מוז א ל ע ס זיין אידיש.
די ספערע דארף זיין א אידישע.

און קיינמאל וועט אין א רעפארמערישען אנשטאלט נישט הערשען קיין אידישע ספערע.

מען זאגט אונז אז א האספיטאל פון הייסטינגס סטריטער אידען וועט נישט זיין אזוי גרויסארטיג פינקטליך ווי א נישט אידישער.

און מיר זאגען, אז דאס איז א געמייער בלבול, א געמייער ליגען.

זאל א רעפארמירטער יאהודי אריינגעהן אין דעם דעטראיט'ער מושב זקנים. אלטע אידען מיט בערד, אלטע אידענעס מיט זיידענע טיכ־לעך — אין עכט ארטאדאקסישער אנשטאלט. זאל ער דורכגעהן די צימערען, דאס בית מדרש, די קיך, און דער יאהודי וועט זיך מעגען בוקען פאר דער ריינקייט, גרויסארטיגקייט און שטילקייט וואס דארטען הערשט.

אונזערע אידען פון הייסטינגס סטריט זיינען פונקט אזעלכע מבינים אויף ריינקייט און שעהנקייט ווי די יאהודים.

שפעהערם נאך: דער פרומער איד האט א גאנצען שלחן ערוך פון ריינקייט און עסטעטיק. די יאהודים האבען דאס נישט און מוזען נאר נאך די גוים.

דער אידישער האספיטאל, אויפגעבויעט פון די הייסטינגס סטריט'ער אידען — זיינען מיר פול מיט גלויבען — וועט מעגען ארויסגעשטעלט ווערען פאר א מוסטער פון ריינקייט און פינקטליכקייט נישט ערגער, לפחות, ווי דער מושב זקנים.

און דארום זאגען מיר:

אט דיזע הייסטינגס סטריט'ער אידען וועלכע האבען אנגעהויבען די באוועגונג, דארפען ענדיגען זייער הייליגע ארבייט. זיי און נ א ר זיי — אויב נאטירליך מען וויל א אידישען שפיטאל נישט בלויז אינ'ם נאמען.

און בפירוש פרעהט עס אונז צו זעהן ווי די מתעסקים פון דעם האס־פיטאל ווערען טעטיג. זאלען זיי זיך גאר ניט אפשטעלען אין זייער טע־טיגקייט און זאלען זיי גאר נישט פארצווייפלען.

אונטערן האמער

פון ת. הורוויץ

מלא בסלע, אויב מיר ווילען ארויס־זאגען אונזער ווארט דורך צונויפרופען דעם אידישען קאנגרעס דא אין אמערי־קא, דאן מוזען מיר כאטש בייסטייערען צו דאלאר יעדער איינער פאר דעם 25 מיליאנען דאלארדיגען פאנד.

אין האנאישלאס בילדינג — די דעט־ראיטער אידישע טשאריטי אינסטיטושאן — האט לעצטענס אויסגעבראכען א פייער.

דאס איז פיליכט דאס איינציגע מאהל ווען די דעטראיטער ארימע און קראנקע אידען האבען געקענט קריגען דערט א ווארימע איפנאהמע...

ווילסאן'ס 14 פונקטען האט קיינער אין פאריז ניט געקענט אראפשלינגען, דערפאר אבער האט מען דארט ליעב באַ־קומען צו קייען נאס וועלכען די אמעריקאנער באיעב האבען מיטגעבראכט מיט זיך.

ווי זאגט מען "גם" זו לטובה...

די פינלענדער רעגירונג וויל ארויס־טרייבען אלע אידען פון דארט.

אמת די "[illegible] שתיקה" איז זיין דארט פון [illegible] פארבאטען אבער די ווענען די אידען אהן א מעסער ווייזט איום מען מען יא...

פראנקרייך האט ווידער באוויעזען איהר פאדערונג אז דייטשלאנד זאל איהר צושטעלען 20 טויזענד הינט.

קענטיג קיין צו גרויסע ארמעע האָן זי איצט ניט שיקען געגען טערקיי וויל זי כאטש האבען הינט וועלכע זאלען בילען אויף דער "האלבער לבנה" (טער־קיי)...

פאר דער לעצטער צייט האבען זיך פארמעהרט מערדערייען דא אין שטאט.

אוודאי איז מאכען זיך א טירוט אדער אנדערע א סך לייכטער ווי צו מאכען א לעבען...

א דאנק דעם ענגלישען געלעהרטען סער אליווער לאדזש האבען מיר זיך לעצטענס אזוי פאראינטערעסירט אין די לעבעדיגע גייסטער פון יענער וועלט, אז מיר האבען שיעור פארגעסען פון איניגע האלב טויטע פון יענער זייט ים.

אמעריקא איז היינט דאס איינציגע געבענטשטע לאנד מיט מזמן...

אז מען פלעגט מיט א שטיינער אויפ־בלאזען די קויקען אין א סאמאוואר, דאן איז אונז רוסישע אידען גאנץ ניט באקאנט, אז מען זאל אבער מיט א מאָ־קייער "שטיבעל" וועלען אויפבלאזען די העברעאישע שפראך דא אין אמעריקא, דאס זעהט איהר איז שוין פאר אונז א נייעס.

——::——

אין דער מזרחי באוועגונג דער קאמפיין.

דער קאמפיין פון מזרחי פאר'ן צווי מיליאן דאלאר פאנד געהט נאך אלץ אן זעהר לעבעדיג, די קאמיטעס אין אלע שטעדט ארבייטען, זעהר פלייסיג און סטארען זיך אריבער יאגען זייער קוואָ־טא, אין איינעגע שטעדט זיינען די ציוּ־ניסטען פאראייניגט מיט די מזרחים און ארבייטען צוזאמען.

די לעצטע טעג זיינען אפגעהאלטען געוואָרען פאלגענדע מיטינגען:

אין הארטפארד קאנ. א גרויסער מאַסמיטינג אונטער'ן פארזיץ פון לאַ־יער זוסמאן. עס האבען גערעדט די רבנים הורוויץ און האפענבערג און די געסט דר. בלוסטאן און משה עפשטיין. די לעצטע צוויי האבען זעהר באגייס־טערט דעם עולם און א היבשע סומע איז געזאמעלט געווארען פאר'ן קרן ארץ ישראל. מר. ישעיה טולין האט אליין גע־געבען 500 דאלאר. אויף איהם קוקנ־דיג האבען אויך אנדערע געגעבען גרע־סע־ע סומען.

אין ניו בריטיין קאנ. האט גערעדט מר. משה עפשטיין פאר א גרויסען עולם עס האט זיך ארגאניזירט א נייע מזרחי גרופע און א קאמיטע אנצופיהרען דעם קאמפיין פאר'ן קרן ארץ ישראל.

אין ברידזשפארט, קאנ. האט גערעדט הרב מ. מונעשעטער. אויף זיין ווארעמען אפיל האבען זיך אלע אפגערופען און געגעבען מיט א פולע האנד פאר'ן קרן ארץ ישראל.

אין קליוולאנד איז אפגעהאלטען גע־ווארען א קאנפערענץ פון אלע ארטיגע אגודות. צו דער קאנפערענץ זיינען ספע־ציעל געקומען: הרב ב. לעווענטאל פון פילאדעלפיא, הרב זאב גאלד און דר. מ. וואכנמאן. עס זיינען אויסגעארבייט גע־ווארען פלענער פאר דער אייטערדיגער ארבייט.

די פאליטישע וואך

פון ז. ק.

(שלום פון זונטאג)

וואס מ'האט געקענט ערווארטען, איז געשעהן. פרייטאג אווענט, דעם 19־טען מארטש, האט דער אמעריקאנער סענאט צום פירטען און צום לעצטען מאל זיך ענטזאגט צו ראטיפיצירען דעם ווערסאי־לער שלום. די וועלכע האבען נאכגע־פאלגט די ענטוויקלונג, האבען עס גע־מעגט ערווארטען.

וואלט אבער דער סענאט צוריקגעווי־זען דעם שלום אפמאך צוליעב זיינע ווירקליכע פעהלערן און פארברעכען; וואלט דער אמעריקאנער סענאט געהאט ענגות מיט ניט אנצוערקענען דעם געשלא־סענעם שלום מיט דייטשלאנד, ווייל ער איז אן אינגערעכטער, א "זיגערייבער", וואלט דער סענאט פון די פאראייניגטע שטאטען עפענטליך ערקלעהרט, אז ער קען ניט געבען זיין הסכמה צו א דאָ־קומענט, וועלכער איז געצוואונגען צו פאר־ניכטען א נאציע פון 68 מיליאן, און וואלט די וועלט, די ליבעראלע וועלט, געקענט קוקען אויף איהם אלס אויף דעם גיבראלטאר פון גערעכטיגקייט.

ווי די לאגע איז אבער איצט, קען די אויוועלטליכע פרייהייטס באוועגונג ווייניג האפען אויף'ן אמעריקאנעם סע־נאט, אז ער זאל איהר העלפען געגען דער רעגירענדער ריכטונג פון רעאקציע, וואס דער ווערסאלער שלום באצוועקט.

ס'איז דאך קלאהר, דאס ביי דער גרע־סערער צאהל סענאטארען פון ביידע פארטייען, אי דער דעמאקראטישער אי דער רעפובליקאנער, האט די אי־נערליכע לאנד־ פאליטיק געשפיעלט די הויפט ראלע אין זייער שטעלונג צום דייטשען שלום. מ'קען דאך דיזען פאקט ניט אפלייקענען. ער איז דאך שוין אזוי פיעל מאל שוין איבערגעחזר'ט. געוואָ־רען די מאטיווען פון ביידע צדדים, מיט א קליינער אויסנאהמע, זענען דאך גע־ווען צו שלאגען פאליטישען קאפיטאל פאר דער אייגענער פארטיי. ס'איז דאך יעדער מעגליך, ווען די פרעזידענטס־וואה־לען וואלטען ניט געווען אזוי נאהנט, וואלטען אין אייגענע וועלכע קאמפא־ מיט זיך געפינען אין דער שלום־אפמאך וואלט ראטיפיצירט געווארען.

איצט אבער, ווען דעם קומענדען נא־וועמבער דארף באשטימט ווערען צו וועלכער פארטיי ס'זאל איבערגעהן די פיהרערשאפט פון דער אמעריקאנער פא־ליטיק, איצט, ווען די צייט פון וואהלען איז אזוי נאהנט, און די גאנצע לופט פון דעם לאנד איז אנגעפילט מיט'ן דאמפף פון די זידיגע און קאכעדיגע קאמפיין רעדעס פון די פרעזידענט קאנדידאטען; איצט, אין אזא צייט, וואלט געווען, אפשר, איבערמענשליך פון אן אמערי־קאנעם פאליטישען, דאס ער זאל ניט זעהן אין דעם סכסוך איבער דער ראטי־פיצירונג א גוטע און גלענצענדע געלע־גענהייט, וועלכע מ'קען אויסנוצען פאר זיין פארטיי.

ווארים, ס'איז דאך ווירקליך וואונ־דערבאר, דאס אינ'ם משך פון די איבער אכט מאנאטען, וואס ס'האט גענומען דעם סענאט צו באטראכטען, דעבאטירען צוריקווייזען און ווידער באטראכטען, ווי־דער דעבאטירען און נאכאמאל צוריק ־ ווייזען דעם ווערסאלער שלום, האט דער אמעריקאנער סענאט זיך קיינמאל ניט פארטראכט וועגען די גרויסע, הימעל־שרייענדע עולות וועלכע דער שלום־אפ־מאך באצוועקט צו באגעהן געגען דייט־שען פאלק. ניט די עקאנאמישע פאר־שקלאפונג פון דייטשלאנד, ניט דער סאר־אר־טאל, ניט דער גאנצער נקמה'דיגער גייסט פון דעם ווערסאלער שלום האט גערייהרט דעם סענאט. און דאס איז פאר־שטענדליך, וואלט דער סענאט*) זיך אנ־גענומען די קריוודע פון דייטשען פאלק, וואלט דאך דער צווייטער צד געקראגען ־ ריכטיג דעם א גוטע וואפע, מיט וועלכער אים פאליטיש טויט צו שלאגען. עס וואלט דאך דאן געווען גענוג פאר וויל־סאָ'ן צד צו זאגען, אז די געגנער פון שלום־אפמאך זענען... פראָדייטשען און דער זיג וואלט געווען געזיכערט.

*) ווען מיר רעדען אין דיזען ארטי־קעל וועגען סענאט, האבען מיר אין זי־נען די געגנער פון ווערסאלער שלום, וועלכע זענען אין סענאט די מעהר־הייט.

דארום האט מען טאקע שטאל געהאט אין דעם פארלויף פון אכט מאנאטיגע דעבאטען איבער דעם שלום־אפמאך מיט דייטשלאנד, דעם בעל דבר אליין — דעם דייטש — גיט צו דערמאהנען. ס'וואלט געווען זיכער ריזיקאליש דאס צו טאן; דאס וואלט דאך געמיינט שפיעלען יע־נעם אין די הענט אריין. האט מען דארום זיך אנגעכאפט אן דעם "ארטיקעל 10" פון דער נאציאנען־ליגע, אלס ארכימעד'ס אנשפארונגס־פונקט, דורך וועלכען אויפ־צוהויבען די וועלט. דיזער ארטיקעל, טענה'ן די געגנער, בארויבט אמעריקא פון איהר טראדיציאנעלער זעלבסטשטענ־דיגקייט — פון דער מאנרא דאקטרין.

אין די פראגע פון "אמעריקאניזם" איז געווארען דער הויפט שטרייט־פונקט. אבער ווי יעדער אבסטראקטער באגריף קען ווערען פארשיידען אויסגעטייטשט, אזוי אויך איז דער אינהאלט, וועלכען די קעמפפענדע צדדים אין סענאט האבען אריינגעלעגט אין "אמעריקאניזם", גע־ווען אנדערש. אלענפאלס, איז דיזער שלאגווארט א גאנגבארע סחורה אין דער צייט פון אלגעמיינע וואהלען... און אין פארלויף פון די לעצטע 7 שטורמיגע דעבאטען האבען טאקע די פיהרער פון ביידע צדדים עפענטליך ערקלעהרט, דאס די פראגע פון ראטיפיצירונג מוז ווערען א שטרייט־פונקט אין די קומענדע נא־וועמבער וואהלען.

אין דאך האט דער סענאט פיעל ביי־געטראגען דער באפרייאונגס באוועגונג דורך איינגע "רעזערוויישאנס" וואס זע־נען פון איהם אנגענומען געווארען צום "ארטיקעל 10".

וואס ס'זאלען ניט זיין די מאטיווען פון די אלע וועלכע האבען געשטימט פאר דער שאנטונג "רעזערוויישאן", א פאקט בלייבט עס פארט, דאס זי האט מאראליש געצוואונגען יאפאן צו בייטען איהר שטעלונג צו דער שאנטונג פרא־גע.

אט איז די טעג געווען א באריכט פון טאקיא דאס די יאפאנעזישע רעגי־רונג איז גרייט צו ענדיגען דעם שאנטונג סכסוך מיט כינא. ווי דיזער סכסוך זאל ניט געשליכטעט ווערען, קען מען דאך ניט אפלייקענען, דאס ווען דער אמע־ריקאנער סענאט* וואלט זיין רעזערוויישן וועגען שאנטונג־פארברעכען ניט אנגענו־מען, די יאפאנעזישע רעגירונג זיך געמאכט מען, וואלט דאן, אהן א שום צווייפעל, פארגעסען וועגען איהר צוזאגען אומצו־קעהרען אמאל שאנטונג צו כינא.

ווידער, קען מען גאר ניט איצט אפ־שאצען די מעגליכע רעזולטאטען, וואס די איירלאנד־רעזערוויישאן וועט האבען לטובת דער איירלאנד זעלבסטשטענדיג־קייט. פאר דער ברייטער וועלט זענען ניט וויכטיג די ווירקליכע מאטיוון פון 47 סענאטארען, וועלכע האבען לעצטען דאנערשטאג געשטימט, דאס אויב דער פונקט פון נאציאנאלער זעלבסטבאשטי־מונג מיינט עפעס, מיינט ער פריהער פון אלץ דאס רעכט פון דעם איירישען פאלק צו זיין דער באלעבאס אין זיין אייגען הויז. און מעג סענאטאר לאדזש און מיט איהם די קאנסערוואטיווע פרעסע או־בער'ן גאנצען לאנד אנרופען די איירישע רעזערוויישאן היפאקריטיש. איז דאך ראטזאמער זיך צו צוהערען צו עמאן דע־וואלערא, דעם שין־פייגער פרעזידענט. ווען ער זאגט, דאס די באפרייאונג פון איירלאנד האט לעצטען דאנערשטאג אפ־געהאלטען איהר גרעסטען נצחון. ס'איז צו האפען, דאס אין דער כראניק פון דער מארטירישער געשיכטע פון דעם הערא־אישען איירישען פאלק, וועט די איירישע רעזערוויישאן פון'ם אמעריקאנעם סע־נאט פארשריבען ווערען מיט העלע, זו־נ[illegible]יגע אותיות.

*) ס'איז וויכטיג דא צו באמערקען, דאס דער אמעריקאנער סענאט איז גע־ווען דער איינאיינציגער וועלכער האט זיך ענטזאגט צו געבען זיין הסכמה צו דער שאנטונג־רויבעריי. אין די אלע אנ־דערע פארלאמענטען, וואו דער שלום־אפ־מאך איז ראטיפיצירט געווארען, איז נאר דאס ווארט שאנטונג ניט דערמאנט געווארען.

דעטראיט אויף דער לינקער זייט

פון ישראלי

איך האב דא די מיינע א קאנאדער לאנדסלייטין, וועלכע טראגט דעם נאמען "די יו אר". האט זי מיר יעצטע וואך באשטאבעט, אז פאר איין ניקעל וועט זי מיר אויספיהרען גאנץ דעטראיט און א האלב מעקסיקא מיט דער באדינגונג, אז האלב מעקסיקא זאל זיין אנעקסירט צו דעטראיט...

פרעג איך איהר: האט מיין לאנדס־לייטין ניט פאהרענט עילום־קבא, און טא־קע וואס פריהער?..

איך הייב ניט אן צו ווייסען, וואס אונ־זער מעיאר האט זיך אנגעזעצט אויף דער "די יו אר". ער איז — זאג איך — אן אומדאנקבארער מענש!

מענשען זענען אהער געקומען אויס פון קאנאדע, זיך "געלעגט" אין דער לענג און דער ברייט" און איינגעפיהרט א טראמוויי־סיסטעם לויט דעם מוסטער פון נייבתרילעויקע, מיט אלע מאדערנע "אימפרואוועמענטס" — און פאר אונזער מעיאר איז נאך שלעכט!

א, ווי אומדאנקבאר מענשען זיינען!

ווען איך וואלט געווען די "די יו אר" וואלט איך אין א שעהנעם פריה מארגען איינגעפאקט אלע קארס מיט די רעלסען מיט די רומענס, מיט די־דראטען און די איבעריגע שאלעמויזען און וואלט עס אריבערגעפיהרט אהיים מיט דער ווינד־זאר פערי און — פטור אן עסק!

וויפיעל איז דער שיעור צו ליידען? מען קען דאך פלאצען!

אמת, די "די יו אר" איז טאקע טייל־ווייז געבויעט פון אייזען, און צו פאר־דאנקען אט דעם פאקט האט זי נאך דער־ווייל ניט געפלאצט, אבער עס האלט דערביי. די אנהענגער פון'ם יעצטיגען פלאן האבען זיך לעצטענס א נעהם געטאן צו דער קאמפאניעס ביינער מיט א וואפע, וועלכע איז היינטיגע צייטען די ווירק־זאמסטע. די וואפע הייסט: "מואווינג ־ פיקטשורס".

איהר פארשטעהט וואס דאס מיינט?

מען זידעלט שוין יעצט ביי אונז אין טעאטער דער קאר־קאמפאניע אויפ'ן לייוונט און — דאס איז שוין ערגער ווי שלעכטס!

אזא איינפאל ווי עס איבען אויס די מואוויס איז שווער צו באקעמפפען, דאס וואס דער באקכוס־טעמפעל איז געווען אין אלטען גריבענלאנד, אט דאס איז דער מעדיסאן טעאטער ביי אונז אין דעטראיט. "מואוויס" איז — "פאר־שטעהט איהר מיך — געווארען א מאָ־דערנע מיטאלאגיע און די אפגעטער זע־נען: טעדא בארא, פרענסים עקס בושמאן, מערי פיקפארד, טשארלי טשאפלין און נאך און נאך געטער און אפגעטער פון דער מאדערנער "מואווי־לאגיע"..

ווען איהר שפאצירט אויף וואוד ־ ווארד סטריט אין טרעפט אן הונדער־טער פארבייגעהענדע פרויען, זאלט איהר וויסען זיין, אז כמעט יעדע איינע פון זיי איז א קינסטליכע נאכקרימונג פון א מיו־אקטריסע: איינע וועמפט נאך טעדא בארא; א צווייטע טאנצט נאך אנא פאוולאווא; א דריטע שמייכעלט נאך אניטא סטיוארט; א פירטע באַ־מיהט זיך צו "אויסשולדיגען" אַ־לא מע־רי פיקפארד; א פינפטע חנ'ט זיך אַ־לא נארמא טאלמידזש און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

די "מואוואלאגיע" האט זיך איינ־געגעסען טיעף אין אונזער לעבען — פיעל טיעפער ווי מיר ווילען באמערקען.

מען שפיעלט ליעבעס לויט דעם מוס־טער פון דער, אדער יענער ווילאס פאקס "פראדוקשאן"; מען פיהרט פאמיליען ־ לעבענס לויט אלע דינים פון "מואווא־לאגיע"; מען מאכט "האלד אפ" ווייל אזוי טוט דער אדער יענער אפגאט פון מואווי־טעמפעל.

און ס'איז ניט קיין וואונדער.

מענשען, און הויפטזעכליך פרויען, זיינען בטבע רעליגיעז. און אזוי ווי די געטער פון די הימלען זיינען דאך אזוי ווייט און אזעלכע שטארקע שונאים פון אונזער נשמיות'דיגען טאראראם — האט מען זיך גענומען באשאפען א נייע סארט רעליגיע, א מעהר צוגענגליכערען. עס איז ניט קיין צופאל, וואס מען האט דעם ערשטען פון קלויסטער אריינגעשטעלט אין די מואווי זייזער. עס פאסט צום רוד־מעל...

און דערפאר זאג איך: נאר א פסיד־באלאג האט געקענט געבען אן עצה און אונ־זער מעיאר קאונסיל, ער זאל זיין אינשו אריינשלעפען אין מואווי־טעמפעל און פון זיין אלטאר אראפזינגען צום פאלק דעם "מזמור שיר למעיאר קאונסס פלאן"

און איהר דארפט אויך ניט פארגע־סען, אז פרויען האבען שטימרעכט אין מישיגאן סטייט. און היינטיגע פרויען זיינען — דארפט איהר וויסען זיין — געניגט צו פאלגען אלעם וואס דער לייך וועגט הייסט און וואס "גוטע און פרומע לייט" הייסען — ניט...

איז דארום ניט פרעהליך מיט מיין לאנדס־לייטין — די "די יו אר" פריהער אדער שפעטער וועט זי מוזען מיך פאל־גען און נעהמען די ווינדזאר פערי...

עס וועלען שוין איצטער ניט העל־פען איהרע גליקען, וואס זי זאגט אונז צו, אפילו מיט דריי סענט קאר פעיר קען זי ניט באקעמפען דעם "געקעפטעט־ שורטען" איינפלוס פון א מואווי־לאגי־שען טעמפעל, וועלכער איז גינסטיג פאר מעיאר קאונסס.

——::——

הרב בערלין ערווארטעט

הרב בערלין איז די טעג אפגעפאהרען פון וואַרשא. זייענדיג אין פוילען האט ער באזוכט ווארשא, מינסק און ווילנא. זיין באזוך האט אומעטום געבראכט גר־טע רעזולטאטען פאר'ן מזרחי. ער האט אויך באזוכט ליבוי. ער ווערט ערווארט די־נעקסטע וואך אין ניו־יארק.

דער צענטראל קאמיטעט פון מזרחי אין לאנדאן קייבעלט פאלגענדעס:

"די ארגאניזאציע ישוב ארץ ישראל האט זיך אנגעשלאסען אן "מזרחי".

ווי באקאנט איז די "אגודת ישוב ארץ ישראל" ניט לאנג געגרינדעט געווארען אין גאליציע און דער שפיץ שטעהן פילע רבנים און רביים פון גאליציע. די אגודה איז ביז איצט געשטאנען ווייט פון ציוניזם און האט געוואלט אר־בייטען פאר ארץ ישראל אויסער דער ציוניסטישער אר־גאניזאציע. איצט האט די אגודה געענדערט איהר פראגראם און איז אריינגעטראטען אין "מזרחי".

איבער 8700 קינדער ארויסגע־שיקט אויף ערהוילונג פון ווין

דער קאמיטעט פון דער דזשאינט דיס־טריביושאן קאמיטע אין ווין האט שוין ביז איצט ארויסגעשיקט און קלייבט זיך ווייטער ארויסצושיקען ביז 7 טויזענד אויסגעהונגערטע אידישע קינדער פון ווין אין פערשידענע געגענדען, וואו זיי ווערען אויפגעהאלטען ביז וואנען זיי קריגען צוריק זייערע כחות.

די לעצטע קייבעל, וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט וועגען דעם געקראגען פון ווין מעלדעט פאל־גענדע ציפערן וועגען דעם:

ביז איצט זענען ארויסגעשיקט געוו־רען: 954 קינדער קיין שווייץ, 3123 קיין האלאנד, 52 — קיין דענמארק, 3 שווינדזיכטיגע קיין דאוואס, א ספעצי־עלען קוראס פאר שווינדזיכטיגע אין דער שווייץ, 185 — קיין טריעסט און 5 קיין וואלדאלטרא. איצט ווערען געמאכט נייע פארברייטונגען ארויסצושיקען 500 קינדער קיין שווייץ, 600 — קיין האלאנד, 270 קיין דייטשלאנד און [illegible]00 קיין טשעכאסלאוואקיא.

אנטיסעמיטיזם אין פוילען.

פון ווארשא איז מען מודיע אז אין דארטיגען אוניווערזיטעט און פאליטעכ־ניקום ווערען פארשפרייט טויזענדע פאמפלעטען צווישען די סטודענטען אין וועלכע זיי ווערען אויפגעפאדערט צו באקעמפען די אידישע סכנה וואס דראהט די פוילישע הויך־שולען.

די פאמפלעטען זיינען געחתמ'עט דורך א געוויסען "אינטערנאציאנאלען פאראיין פון אנטיסעמיטישער יוגנט" (פוילישער אבטיילונג).

אידען פארלאזען סאוויעט־רוסלאנד.

דעם לאנדאנער "רוסישען באפרייאונגס־קאמיטעט" איז מען מודיע פון העלסינגפארס אז עס איז אין סאוויעט רוסלאנד פארבליבען פארהעלטנעסמעסיג זעהר ווייניג אידען.

אין דער וואלגא־דיסטריקט האט זיך זייער צאהל שטארק פארקלענערט צוליעב דער נייער עמיגראציע. אין מאסקווא זיינען איצט פאראן נישט מער ווי [illegible] טויזענד אידען און די זעלבע צאהל געפינט זיך אין פעטראגראד.

שעדליך פאר'ן געזונד

רעדנער — הער טשערמאן, אויב איהר וועט מיר ערלויבען וועל איך עפענען דאס פענסטער.

טשערמאן — אבער עס איז דאך זעהר קאלט אין דרויסען.

רעדנער — דאס מאכט נישט[illegible] באארד איז העלט האט פארלאנגט [illegible] עס איז זעהר שעדליך פאר דעם געזונד צו שלאפען מיט צוגעמאכטע פענסטער.

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

א ווענדונג פון די ווילנער אר־בייטער צו די ארבייטער פון ער גאנצער וועלט

די ווילנער אידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען ווענדען זיך מיט אן אויפרוף צו אלע אידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען אין דער גאנצער וועלט און ווענדען זיי ווייזען אן אויף דער שווערער לאגע און אי ווענכען עס געפינט זיך די גאנצע ארביי־טערשאפט פאר דעם ווידעראויפבויען פון דעם אידישען לעבען. נאך דעם ווי דער אויפרוף שילדערט די גרויסע צרות, וואס די אידישע ארבייטערשאפט האט געהאט אויסצושטעהן בשעת דער מלחמה, שטעהט אין איהם ווייטער:

„דערפאר איז אבער דערנאך א פינ־סטערניש, נאך א שווערע, נאך א שרעק־ליכע פינסטערניש אנגעקומען. זי האט אלע ארבייטער־אנשטאלטען צובראכען, חרוב געמאכט, די באשעפטיגונג ביי דעם גאנצען פראלעטריאט אוועקגעריבט, איהם באליידיגט, זיין מענשליכע ווערדע באשפיגען. פארפאלגונגען און רעפרע־סיעס שיטען זיך אויף אונז ביי היינטיגען טאג, מען לאזט אונז נים ארויסגעבען אן איינציגעם געדרוקט ווארט, מען פארמאכט קולטור אנשטאלטען.

ניט קוקענדיג אויף אלע די ענוים קשים, וואס אונז איז אויסגעקומען אויס־צושטעהן אין די פארשידענע פעריאדען פון דער מלחמה — זענען מיר דאך לעבען געבליבען: מיר זענען לעבען געבליבען נים ווי א צושטויסטע מאסע, נאר ווי א פעסטע ארגאניזירטע קערפערשאפט.

אונזער ווילנער אידישע ארבייטער־שאפט פארמאגט ביז היינטיגען טאג 12 פראפעסיאנעלע פאראיינען, 1 ארבייטער קינדער היים (א קינדער גארטען און א שול), איין אווענט שול, 2 קיכען, 3 קלו־בען, 1 קאסום־ קאאפעראטיוו, און אוועק־געשטעלטע פראדוציר קאאפעראטיוועו. דאס איז אבער א פארמעגן און ארעמע־דיגע ארבייטס־לאזיגקייט—איז גרויס, דער דער יקרות — צו שטארק. דער איינצי־גער ארבייטער קינדער־היים, וועלכער באר־דיענט 250 ארבייטער־קינדער, באפרידיגט קוים די מינימאלסטע פאדערונגען. דער חורבן פון דער אינדוסטריעלער לאגע איז אזוי גרויס, אז די ארבייטער זענען נים ביכולת מיט די אבצאהלען צו זייערע איי־גענע פראפעסיאנעלע פאראיינען זיי אויס־צוהאלטען.

גרויס זענען די באדערפענישען פון אונזערע ארבייטער־אנשטאלטען און אר־גאניזאציעס.

עס פאדערט זיך צום אויסבויען ארביי־טער קינדער היימען, שולען, טעכנישע שו־לען פאר ארבייטער אווענט־קורסען: די קולטור ארבייט צווישען די ארבייטער מא־סען מוז פארברייטערט ווערען. ס'מוזען זיך פארצווייגען און פארפעסטיגען אונזע־רע קאנסום־קאאפעראטיוועו. מיר מוזען שאפען אן אייגענע ארבייטער פרעסע.

די באדערפנישע זענען גרויס, די פאר־לאנגען — פיעל. אבער ביי די פארלאנגען מוזען מיר בלייבען, ווייל עס פעהלען אונז מאטעריעלע מיטלען.

פון דער שטיצע, וואס דער אמעריקא־נער „רזשאינט־דיסטריביושאן קאמיטעט" שיקט דער ווילנער קהלה, טיילט מען אונז אפ ברעקלאך, הגם, ווי מיר ווייסען ליגט אין דער דאזיגער שטיצע זעהר א גרויסער חלק פון אמעריקאנער ארבייטער.

ווי־פיעל ענערגיע ווערט אוועקגע'פטרט אידער אונזערע פארשטעהער און קהילות גיט זיך איין ארויסצורייסען פון איהר א וואסער ניט איז שטיצע פאר די ארבייטס־לאזע, וועלכע מיר ווילען אליין פארטיילען...

מיר האפען און גלייבען, אז די איצטי־גע פינסטערניש וועט אייביג נים דויערן, די וועט פארשווינדען, מיר וועלען אויך פארטרייבען, אבער איצטער, חברים, מיר זען מיר זיך ווענדען צו אייער דירעקטער חברישער הילף.

מיר קוקען אויף דער דאזיגער הילף ווי אויף א נדבה, וועלכע באריהרט דעם גע־וויסען פון דעם געבער. מיר קוקען אויף דעם ווי אויף אן אויסדרוק פון פראלעטא־רישען חוב און סאלידאריטעט, וועלכע קען נים איבערגעהאקט ווערען.

מיר גלייבען אין אייער ארבייטער־סאל־לידאריטעט. מיר האפען, אז איהר וועט זיך אויף אונזער רוף היינט אפרופען און איהר וועט די ווינען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג נים פארלאזען אין די גליקליכע צוקונפט אונז העלפען שמי־דען און בויען.

שאפט ספעציעלע געלט־טיילען פאר דער ווילנער ארבייטערשאפט.

די צענטראל ביורא פון די ווילנער אי־דישע פראפעסיאנעלע פאראיינען.

יואל נאוויקאוו פארזיצענדער.

יוסף ציפקין, סעקרעטער.

טויזענדער זעק מיט מעהל געשיקט קיין ליטא און לאטוויא

פראפעסאר איזראעל פריעדענדער, וועלכער איז נאך וואס אנגעקומען קיין קאפענהאגען, מעלדעט דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, אז דר. סימאנ סאן, דער פארשטעהער פון דער קאמי־טע אין קאפענהאגען, האט שוין ארויס־געשיקט צוויי טויזענד זעק מעהל קיין ליטא, און זיי געפינען זיך שוין איצט אין ליבאו אויפ'ן וועג קיין קאוונא; 2 טויזענד זעק מעהל ווערען ארויסגעשיקט קיין לאטוויא, און נאך דריי טויזענד זעק מעהל ווערען ווייטער געשיקט קיין קאוונא. די שיף מיט די לעצטע פינף טויזענד זעק מעהל איז אפגעגאנגען קיין ליבאו מאנטאג, דעם 15טען מערץ

מינסקער געגענד באקומט קנאפע 4 מיליאן מארק א חודש

אויף צו דעקען די אויסגאבען פון דער טעריטאריע, וואס האט איהר פערטיי־לונגס קאמיטעט אין מינסק, איז אין סעב־רואר ארויסגעגעבען געווא־ען 3.750.000 מארק. — קיבעלט דר. באגען צו דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע.

דר. באגען ווייזט אויך אן אין דער קיבעל, אז די [illegible]ייליגע הילף אין דער רע־מאהגמער טעריטאריע פאלירט בים יעבוייז איבער באדייטונג און עס פיהלט זיך אין שטארקער די נויטווענ־דיגקייט אין קאנסטרוקטיווער ארבייט, וואס וועט פערלאנגען גרעסערע סומען.

דר. באגען איז ערשט צוריקגעקומען פון א רייזע אין גאליציען, וואו ער האט ארגאניזירט נייע קאמיטעטען. ער האט אויך אונטערזוכט די סאניטארע לאגע אין איינציגע שטעדט, וואס נויטיגען זיך שטארק אין שפיטאלען, אבער די גרינ־דונג פון שפיטאלען — מעלדעט ער טרעפט זיך ערטערווייז אן מיט אזעלכע שוועריגקייטען, וועלכע עס איז אפט אונ מעגליך ביי־צוקומען.

איבער א האלבען מיליאן דא־לאר אויף מצות אין די מלחמה לענדער

פון פארשיעדענע מלחמה־לענדער קו־מען אן די לעצטע טעג אין דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע באריכטען ווע־גען דעם, אז די מצה־מעהל און די מצות, וואס זענען אהין ארויסגעשיקט געווארען, זענען אנגעקומען אין צייט, און די מצות, ווי אויך אנדערע כשר'ע שפייזען אויף פסח ווערען פערטיילט צווישען דער אידישער באפעלקערונג.

די ספעציעלע סומען, וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט באשטימט פאר פסח־הילף, זענען זעהר בארייטענד. די מצה־מעהל, וואס איז ארויסגעשיקט געווארען קיין פוילען, האט באטראפען א סומע פון $342.685 און איז באשטאנען פון 42.8„7 זעק מעהל, אויף וועלכע עס איז דא אהויס־גענומען געווארען א הכשר פון רבי [illegible]יגליות און רבי קליין. די פערטיילונג פון דעם מעהל אין פוילען איז איבער־געגעבען געווארען צו דעם נייעם קאמי־טעט, וואס דר. באגען האט ארגאני־זירט אנקומענדיג קיין ווארשא, און קיי־נע פון די געגענדען, וואס די פארטרע־טער פון די קאמיטע קענען דער־גרייכען מיט דע־ באהן אדער מיט די אויטאמא־בילען, וועט נישט ארויסגעלאזען ווערען.

א ספעציעלע שטיצע אויף מצה איז געשיקט געווארען קיין ארץ־ישראל און די קאמיטע פון דארטען האט שוין בא־ריכטעט וועגען דער פארטיילונג. די וועל־כע באריכטען זענען אויך אנגעקומען פון טערקיי און פון די געוועזענע טער־קישע געגענדען, וועלכע געפינען זיך אונ־טער דער הערשאפט פון גריכענלאנד.

די 7.000 זעק מצה־מעהל, וואס זענען געשיקט געווארען קיין ליבוי קיין ליטא באטרעפען איבער 2 טויזענד דאלאר.

וויען און די צענטראלע אייראפעאי־שע געגענדען זענען בעזארגט געווארען אויסער מצות אויך מיט אנדערע שפיי־זען.

אין אלגעמיין האט די דזשאינט דיס־טריביושאן קאמיטע אויסגעגעבען אויף ספעציעלע פסח־הילף איבער א האל־בען מיליאן דאלאר, און קיינע פון די

בלויז א מאמע

(סקיצע)

פון מרים קארפילאוו

מזרח לעהרער סעמינאר אין פוילען

„אדווערטייזט אין וועג"

די באריהמטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע און לאנג קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מצות, מצה מעהל. קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder Cherry 6203

ניט קיין פעקעדזש נאר א שפייז דרעפט

פון דער אמעריקאנער סטייט בענק, דעטראיט צו דער האוווער אדמיניס־טראציע וועהר הייז אין פוילען, עסטרייך, אונגארן, דייטשלאנד און טשע־כאסלאוואקיע. קיינע עקסטרא טשארדזשעס. בלויז 10 דאלאר פאר דיא שפייז וואס געפינט זיך איצט אין וועהרהייז פון די אייסגערעכענטע לענ־דער. אידען קריגען אנשטאט בייקאן מאזאלא אדער אן אנדער פעטס וואס איז פארעזשיי. זעהט זיך מיט מר. עלען אין דער

ORIGINAL NOT TRANSFERABLE — GOOD ONLY IF PRESENTED WITHIN 90 DAYS FROM DATE OF ISSUE

FOOD DRAFT

ADMINISTERED BY AND FOR THE PROFIT OF THE EUROPEAN CHILDREN'S FUND

No. 0000

To American Relief Administration Warehouse at Warsaw, Poland Date March. 17-1920

Please deliver on presentation to Mary Polkowski

Or his properly constituted representative One Packages

Designated as letter A Hereon, being the equivalent of $ 10#

IN CASE OF EMERGENCY WE RESERVE THE RIGHT TO SUBSTITUTE COMMODITIES OF EQUAL FOOD VALUE

A	B	C	D
24½ lbs. Flour, 10 lbs. Beans, 8 lbs. Bacon, 8 cans Milk	140 lbs. Flour, 50 lbs. Beans, 16 lbs. Bacon, 15 lbs. Lard, 12 lbs. Corned Beef, 48 cans Milk	24½ lbs. Flour, 10 lbs. Beans, 7½ lbs. Cottonseed Oil, 12 cans Milk	140 lbs. Flour, 50 lbs. Beans, 45 lbs. Cottonseed Oil, 45 cans Milk
$10	$50	$10	$50

American Relief Administration

Herbert Hoover, Chairman Edgar Rickard, Director

THE AMERICAN STATE BANK OF DETROIT
DETROIT, MICH., U. S. A.

The Gift of John Polkowski

Address Detroit. Mich Signature Fred W. Allen

THE COST OF THIS FOOD DRAFT AS SHOWN ABOVE COVERS ALL EXPENSE TO PURCHASER INCLUDING ANY BANKING CHARGES

AMERICAN STATE BANK 115 GRISWOLD ST. DETROIT, MICH.

מזרח קאאפעראטיווען אין פוילען

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלארס.

קעדילאק 2061

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

דינסטאג, מארטש 23טער, 1920

פארקויפט דאס ווייב פאר הונדערט דאלאר

פון ב. י. ג—ן

פראנקרייך איז א לאנד וואס קען זיך ניט אפלעבען א קורץ שטיקעל צייט אהן א סענסאציע. פון איצטיגער צייט וואס מען געפינט גאר אויס, אז גרויסע מענשען, מיניסטאריען, רעי אקטערע האבען באבאר גענומען ביי דייטשלאנד: איצטיגע צייט ווען מען שיקט אין פראנקרייך צו דער גילאטינע אזעלכע באריהמטהייטען ווי רעגירונגס פיהרער, קען פארשטעהט זיך נישט גענומען ווערען אין אכט אזא קליינינקע סענסאציע, ווי אז אין שאמפיין האט א פראנצויזישער ארבייטער פארקויפט דאס ווייב פאר א סומע פון קריב צו הונדערט דאלאר, איז אונזער געלט.

וואריס נאך אלעקען, איז דאך היינט שוין א זעלטענהייט, אז א מאן זאל פאר א פאר דאלאר פארקויפען דאס ווייב.

ראשית שטעהט דאך בפירוש פארשריבען אין די געזעץ ביכער, אז למען השם מען זאל זיך ניט דערייגען צו טאן אזא זאך — מחמת עס איז שטרענג פארבאטען. א ווייב — קומט עס איז לויט דעם געזעץ — איז נישט קיין סחורה, ניט קיין עפעל און ניט קיין פאפאליעס. מען טאר זי ניט פארקויפען און מען טאר מיט איהר ניט האנדלען.

פונדעסטוועגען זיינען פאראן א סך מאנען וואס קימערען זיך ווענינ־וואס שבח די געזעצביכער: הערען די לאנדס משפטים און טראכט אין טאן ווי זיי ווילען זיך מיט זייערע ווייבער. מען פארקויפט און מען קויפט זיי.

אין ענגלאנד איז דאס ווייב נאך אין דעם פאריגען יאהר הונדערט געווען לויט'ן געזעץ דאס אייגענטום פון'ם מאן און עס זיינען טאקע געווען דארטען צייטען, ווען די מאנען האבען פארקויפט זייערע ווייבער אויף דעם מארק.

אין קליוולאנד איז ערשט מיט א צעהן יאהר צוריק פארגעקומען א פאל, ווען אן ארבייטער האט פארקויפט זיין ווייב מיט דריי קינדער צו זייטעם א פריינד פאר דער קיילעכדיגער סומע פון... פופצעהן דאלאר מזומן געלט.

אזוי גיך ווי דער ארבייטער האט אפגענומען די "קעש", האט ער אריינגערופען דאס ווייב, האט זי צוגעפיהרט צו זיין פריינד און איהר געזאגט: "פון איצט אן געהערסטו צי אט דעם מאן און זיין נאמען וועסטו טראגען".

דאס אינטערעסאנטעסטע דערביי איז, וואס דאס ווייב האט נים פראטעסטירט. זי האט זיך פארפאקויעט איהר שבת'דיגען בורנעס און צונויפגענומען איהרע חפצים און איז אוועק צים קונה.

ערשט אין א שטיקעל צייט ארום האט זיך די פאליציי דערוואוסט פון דעם "מסחר" און האט ארעסטירט אלע 3 "סוחרים".

די פאליציי האט דעמאלט ארויסבאקומען א גט און נאכדעם חתונה געהאט אפיציעל מיט דעם מאן, וואס האט זי געקויפט פאר די 15 דאלאר.

אן אנדער פאל אזא אין די סטייטס האט געפיהרט צו דעם, אז אלע דריי זיינען פארשיקט געווארען אין פריזאן. דאס איז געווען ווען אן אונגארישער ארבייטער האט פארקויפט זיין ווייב פאר א הונדערטער און נאכדעם ווי דער סוחר האט שוין א האלבען הונדערטער געהאט נע'פטר'ט, האט דער קונה חרטה געהאט און געוואלט צוריק דעם הונדערטער.

עס איז געווארען א געשלעג, מען האט זיי אלע דריי ארעסטירט און פארשיקט אין געפענגניש אויף א לענגערען טערמין.

אין נוארק האט אין יאהר 1898 פאסירט אזא פאל: איינער (הערי הים) האט חתונה געהאט מיט א מיידעל (עלען) צו זיי פלעגט אריינקומען א פריינד ארטור דייו, א העלד פון דער שפאניש אמעריקאנער קריעג. דייו האט באמערקט, אז זיין פריינד'ס ווייב לעבט נישט גליקליך און אז הערי הים וואלט אויך וועלען פטור ווערען פון'ם פארהייראטען לעבען, האט ער גלייך געמאכט א פארשלאג, אז ער וויל קויפען דאס ווייבעל.

האט מען אנגעשריבען אזא מין קאנטראקט: — "איך, הערי הים פארקויף מיין ווייב עלען צו ארטור דייו פאר דער סומע פון 5 דאלאר און דערמיט בין איך צופרידען".

פאליציי האט זיך אויך פון דעם דאזיגען מסחר דערוואוסט, מען האט זיי אלע דריי ארעסטירט, און דער ריכטער האט גוט אויסגע'מוסר'ט דעם "העלד" פון דער שפאניש־אמעריקאנער מלחמה און איהם געווארענט אז ער זאל זיך בעסער אויסזוכען בעסערע מסחרים, וואריס ווען דער משפט זאל געווען פארקומען מיט אנדערע לאיערס, וואלט ער איהם געוויען פארשיקט אין פריזאן, אום דארטען זיך אויסצילערנען א בעסערע מלאכה און בעסערע און ערענטליכע ביזנעס פעהיגקייטען.

דאס גליק איז געווען וואס די לאיערס פון ביידע צדדים האבען פון דעם "מסחר" געמאכט א וויץ. מען האט סיי דעם ריכטער און סיי דעם עולם, פארוואטעלט אין געריכט, פארשאפט א היבש ביסעל שפאס און מאטעריאל צום לאכען.

דאס אייגענע איז איצט אויך געווען מיט דעם פראנצויזישען ארבייטער אין שאמפיין: דער עולם און דער ריכטער און די אדוואקאטען — אלע האבען געלאכט פון דעם משפט און קיין איינער האט נים געזעהן די ערנידערונג און דעם שענדליכען שטאפעל אויף וועלכען עס שטעהן נאך מאנכע פרויען און אזעלכע ציוויליזירטע לענדער, ווי פראנקרייך.

וואטשט מארגען אין "וועג"

א נייע ליסט פון רעסיטס וואס דוד גאלדמאן האט אונז צוגעשיקט פון פוילען.

אכטונגספול

GOLDMAN BROS.

393 HASTINGS

לענדלארדס אויפמערקזאם!

פארלאנגט הייזער צו פארקויפען, ליסען אדער רענטע פאר אייסע און ניגארס

הערים און לואיס

481 אנטוויין סטריט

טעל טשערי 8054

מאנכע געריכטען זיינען שווער צום פארדייען, ווייל זיי זיינען געבאקען אדער גע־פרעגעלט מיט פוטער אדער שמאלץ.

יוזט מאזאלא און מאכט לייכט דעם געריכט און גרינג צו פארדייען.

מאזאלא איז דער בעסטער אויל, געמאכט פון קארן פלאנצען און איז געזינטער און קרעפטיגער ווי אירגענד וועלכער אנדערער אויל.

ס'איז אי כשר, אי פארעווע און קען געברויכט ווערען אין פליישיגעס און מילכיגעס, און איז אזוי שפארעוודיג, אז איהר פארברויכט פון דעם א דריטעל ווייניגער ווי פון פוטער אדער שמאלץ.

פרעגט אייער שכנ'טע וועלכע יוזט מאזאלא

MAZOLA

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער נייע מאכען.

פריימס, באדעס, עקסעלס, פענ־דערס ווערען אויסגעגלייכט, געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיענעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

אינטעליגענטע

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

(פאטזעצונג)

— דאס ריהרט אלעס אזוי שטארק אן ביי דער נשמה! — האט זי א זאג געטאן — יעדער איינער האט זיך זיין אונגליק, זיינע איבערלעבענישען! יעדער איינער רעכענט זיך אז ער איז דער אונגליקל'כסטער אין דער גאנצער וועלט — באלד האט זי דערפיהלט ווי איהרע אייגענע וואונדען האבען זיך געעפענט און גם האט זיך איהר מיט אמאל געוואלט עפענען פאר איהם איהר אייגענע קארין און איהם דערצעהלען, וואס זי האט דורכגעמאכט א'ן איהר יאהר פון וועלכען זי איז אזוי ביטער ענטוישט געווארען.

— איך בין שטארקער פון אייזען ווען איך האב דאס אלעס דורכגעמאכט — האט זי א זאג געגעבען און האט אפענהערציג איהם אנגעהויבען דערצעהלען.

— איך האב געליעבט, אזוי הייליג געליעבט און איך האב מיין געליעבטען ווי אין א גאט זיך איינגעגלייבט. איך בין געווען זעהר נאא'וו. ער האט מיך פערבלענדעט. ער האט אלע מיינע גע־טער צעבראכען, ביי מיר די ליעבע צו עלטערען אפגעטויטעט. איך האב נור פאר איהם געלעבט. — זי האט אפגע־זיפצט. פון איהר דערצעהלען האט זי גע־פיהלט ווי עס ווערט א'הר אזוי גרינג אויפ'ן הארצען. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס זינט איהרע עלטערען האבען זי פערי'אגט, האט זי מיט א מענ־שען גערעדט וועגען דער פאסירונג.

— נור אלעס איז געווען א חלום! —

האט אניוטא פארטגעזעצט — ער איז ניט געווען קיין גאט, ער א'ז פילייכט געווען נאך ערגער פאר דעם טייפעל, ער נענארט און ווען איך האב זיך דאס דערוואוסט, האב איך איהם פארזאגט. ער האט דערנאך געוואלט איך זאל בלייבען זיי'ן פרוי, נור עס איז מיר נמאס גע־ווארען, ווי א בייזער ווארעם, ער האט ביי מיר אויסגעזעהן אזוי קליין, אזוי נידע־ריג געזונקען, אז איך האב דאס געהאל־טען פאר צו נידעריג צו בלייבען מיט איהם אין איין הויז. דאן איז געקומען דאס טראגישסטע. די רעזולטאטען פון אונזער איינציגען מאל צוזאמענלעבען און דאס האט שרעקליך געווירקט אויף מיי'נע עלטערען. איך בין זייער איינצי־געס קינד, זיי זענען זעהר פרום ביז צום ערנסטען פאנאטיזם או זאיהר קענט זיך פארשטעלען וואס זיי האבען געפיהלט בעת זיי האבען זיך אנגעהויבען אנשטוי־סען וואס מיט מ'ר האט פאסירט. זיי האבען ניט געקוקט אויף דער פאסירונג ווי אויף מיינעם א אונגליק, זיי האבען בלויז געפיהלט זייערע שאנדע.

(פארטזעצונג פאלגט)

אונזער מאטא: צו וואס צאלען טייערער, ווען מ'קריגט ביליגער.

מיר גאראנטירען יעדען ארטיקעל אין זיין פולען ווערט.

אלעס קריגט איהר ביי אונז

דימאנטען

פון 50 דאלאר און העכער

פערל

ביליגע, מיטעלמעסיגע און טייערע

זייגערס

פאר מענער און פרויען, גאלדענע און גאלד־געפילטע

רינגען

פאר מענער און פרויען, גאלדענע, סיגנעטס יאפאנעזישע, אויך מיט אלער־ליי שטיינער

סעטינעלאך

פאר ליידיס, לעצטע סטיילס, ווייסע, גרינע, געלע און פלאטענע

קייטעלאך

גאלדענע, 14 קערעט, אלע סטיילס.

The Boston Wholesale Jewelers

169 Griswold St.

3-טער פלאר. נעהמט דעם עלעוויטאר.

מיר פארקויפען ריטייל צו האלסייל פרייזען.

פרובט נעהן פריהער ערגעץ אנדערש, און דערנאך קומט צו אונז

גענוג ריידען. זעהט פאקטען.

מיר האבען היינט ארונטערגענומען א סטאק מיט פרישע מצה געפאקט ספעציעל פאר דעטראיט. די מצה איז איצט די בעסטע וואס דעטראיט האט ווען עס איז געהאט.

מיר האבען באשלאסען צו קאנקורירען נישט מיט דרעהדלעך און מיט רייד, נאר מיט דער קוואליטי און פרייז פון אונזער מצה.

די קארלאודס מצה וואס איז יעצט אהער אנגעקומען, איז גא־ראנטירט פאר יעדען סטאר־קיפער אז זי איז געפאקעוועט פאר דעט־ראיט און איז די בעסטע וואס ער האט ווען עס איז געהאט אין סטאק. כשר אפילו פאר מדקדקים און אוכלי שמורה כדברי הרב הגאון ר' יוסף מאיר לעווין פון סינסענעטי.

סיימאן און וויל

סינסינעטער מצות

אונזער הויפט סטאר איז

243 נאפאלעאן סט. מעין דזשיי־3395

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Wednsday, March 24th 1920 Vol. 2, No 36 מיטוואך, מארטש 24-טער 1920

PUBLIC LIBRARY

רוסלאנד מוז אנערקענט ווערען, זאגט איטאליענישער פרעמיער ניטי

זאגט איראפייאישע פארלאמענטען און פעלקער מוזען ארויסדריקען סימפאטיע און טרייסט צום באזיגטען דייטשלאנד, און שלום גייסט מוז נעהמען הערשען כדי איראפא זאל געראטעוועט ווערען פון חורבן. — אמעריקא וועט אראפנעהמען האנדעלס פארבאט מיט רוסלאנד, ניט ווארטענדיג אויף צושטימונג פון עלייס. — יאפאנ'ס סאלדאטען אין סיביר ווערען אנגעשטעקט מיט באלשעוויזם.

רוים, מארטש 23. — פרעמיער ניטי האט נעכטען אין פארלאמענט פארגעלעגט די פראגראם פון דעם נייעם קאבינעט. ער האט ערקלעהרט, דאס גאנץ איירא́פא שטעהט פאר זעהר אן ערנסטען קריזיס, ווערענדיג געדראהט מיט הונגער, סיידען שלום זאל וואס אם שנעלסטען צוריק אייננעשטעלט ווערען.

ניטי האט ווייטער געזאגט, דאס מעהר פון 300 מיליאן ארבייטער אין איירא́פא פראדוצירען ניט די נויטיגע לעבענסמיטלען. רוסלאנד, וועלכע קען צושטעלען די רויע מאטעריאלען, און דייטשלאנד מיט איהר גרויסער צאהל ארבייטער פראדוצירען כמעט גארנישט.

איירא́פא, לויט דעם איטאליענישען פרעמיער, קען צוריק ערהאלטען איהר גלייכגעוויכט, ווען רוסלאנד און דייטשלאנד וועלען ווערען אנערקענט. און דא האט ער ערקלעהרט: „ס'מוז זיך לאזען הערען פון די פארלאמענטען און פעלקער א קראפטפולע, הומאניטארע שטימע, וואס זאל דריגענד בעטען סימפאטיע און טרייסט פאר די באזיגטע.

„דער פאליטישער און עקאנאמישער כאאס וועט נאר דאן פארשווינדען, ווען איירא́פא וועט ווערען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון שלום — האט ניטי פארגעזעצט — און איטאליען וועט שטרעבען צו ערדייכען דיזען ציעל, ווייל זי פיהלט, דאס די אינטערעסען פון אייראפא, ווען מ'דראהט אן אלגעמיינער חורבן, מוזען ווערען געשטעלט איבער שנאה און צוטיילונג.

„פיהרער פון דער נאציאנען-ליגע — אין וועלכער מיר גלויבען און וועלכע מיר ווילען האבען — איז אבער דא א געזעלשאפט פון איירא́פעאישע פעלקער, וועלכע מיזען דורך זייערע איינענע בחות פארבעסערען די באדינגונגען פון מענשליכען לעבען — האט ניטי געזאגט.

צום סוף פון זיין רעדע, האט דער איטאליענישער פרעמיער ערקלעהרט, דאס איטאליען וועט אונטערשטיצען א פאלקאמענעם צושטאנד פון פריעדען און א גייסט פון שלום איבער דער גאנצער וועלט, אבער איבערהויפט צווישען די לענדער פון איירא́פא.

וועלכע וועלען פיהרען קאמערציעלע געשעפטען מיט רוסלאנד, וועלען, עס מוז זען מאן אויף זייער אייגענער פאראנטווארטליכקייט.

אמעריקא צוגונסטען אראפצונעהמען רוסישע בלאקאדע.

וואשינגטאן, מארטש 23. — מ'האט זיך נעכטען דערוואוסט, דאס די אמעריקאנער רעגיערונג איז פאר דעם, דאס דער האנדעלס פארבאט מיט דער סאוועטען־רוסלאנד זאל אראפגענומען ווערען.

עס ווערט פארשטאנען, דאס אמעריקא וועט ניט ווארטען בנוגע דאס אראפנעהמען די בלאקאדע אויף דער צושטימונג פון די עלייס. די רעגיערונג וועט אבער ניט נעהמען אויף זיך קיין פאראנטווארטליכקייט פאר'ן רוסישען האנדעל. די

יאפאן רופט צוריק 6 „רויטע“ רעגימענטען.

לאנדאן, מארטש 23. — רייטער מעלדעט, דאס עס ווערט ערווארטעט, דאס 6 רעגימענטען פון דער יאפאנעזישער ארמיי אין סיביר וועט צוריקגערופען ווערען פון דארטען, צוליעב דעם וואס זיי זענען אנגעשטעקט געווארען מיט באלשעוויסטישע טענדענצען. די זעלבע רעפארטע גיט איבער, אז סאלדאטען זענען געווען פארמישט אין דעם „סאציאלען אויפשטאנד“ וועלכער האט פאראורזאכט דאס פאלען פון דעם האראקאבינעט אין יאפאן.

120 דעטראיטער ראדיקאלען וועלען דעפארטירט ווערען

דושאהן ל. פרענטיס, הויפט אימיגראציאנס אינספעקטאר, האט נעכטען ערקלעהרט, דאס ער האט ביז איצט ערהאלטען פון וואשינגטאן דעפארטאציאנס באפעהלען פאר 120 ארעסטירטע ראדיקאלען. 68 פון די 400 ארעסטירטע אין די לעצטע איבערפאלען זענען, לויט א באפעהל פון סעקרעטערי אוו לייבאר באפרייט געווארען.

די גרעסטע צאהל פון די, וועלכע מען האט באשטימט צו דעפארטירען, ווערען געהאלטען אין פארט וועין און די איבעריגע זענען פון פריהער ארויסגעלאזט געווארען אויף בייל.

פון די איבער 400 ארעסטירטע ראדיקאלען אין דעטראיט אין די איבערפאלען, וואס די יוסטיץ אגענטען האבען געמאכט אויף ראדיקאלע ארגאניזאציעס, האבען אלע, מיט דער אויסנאהם פון די 168 וואס ווערען איצט געהאלטען אין פארט וועין, צוגעשטעלט די געפאדערטע באנדס און זיי זענען דערווייל ארויסגעלאזט געווארען אויף דער פריי.

מר. פרענטיס פלעגט ביז איצט באקומען יעדען טאג פון וואשינגטאן פון 7 ביז 8 באפעהלען צו דעפארטירען אדער באפרייען די ארעסטירטע. און ער גלויבט דאס אין פארלויף פון די קומענדע 2 וואכען וועט ער ערהאלטען די באשלוסען פון וואשינגטאן וועגען דעם גורל פון די איבעריגע ארעסטירטע. מר. פרענטיס האט ניט געקענט זאגען באשטימט, ווען די פאראורטיילטע צו ווערען דעפארטירט וועלען איבערגעפיהרט ווערען פון פארט וועין קיין עלים איילענד. די גרעסטע צאהל פון די דאזיגע זענען רוסישע בירגער, און ביז ס'וועט ווערען קלאר ווען מ'וועט אנפאנגען ווייטער ארויסצושיקען רוסישע בירגער קיין סאוועטען־רוסלאנד וועלען די היגע ארעסטירטע בלייבען אין פארט וועין.

איניגע פון די ארעסטירטע זענען פון דייטשלאנד, עסטרייך און טערקיי. אזוי ווי די פאראייניגטע שטאטען האבען צייטווייליג אויפגעהערט צו דעפארטירען אין דיזע לענדער, וועלען די דאזיגע פרעמדע ראדיקאלען ווערען געהאלטען אין דעטראיט.

דער איינציגער וועלכער וועט אוועקגעשיקט ווערען אין עלים איילאנד, איז אן ענגלישער בירגער מיט'ן נאמען ראברטסאן. ער איז ארעסטירט געווארען אין די לעצטע איבערפאלען און איז פארמשפט געווארען צו ווערען דעפארטירט. ער פאהרט היינט אוועק אפ קיין קליוולאנד, וואו ער וועט מיט נאך אנדערע ראדיקאלען זיך צוגרייטען צום וועג קיין איירא́פא.

ליבעראלע פארטיי פאנגט אן איהר קאמפיין אין דעטראיט

דער קאמפיין אין מישיגאן סטייט פון דער נייער ניט לאנג געגרינדעטער ליבעראלער פארטיי — וועלכע רופט זיך די קאמיטע פון 48 — האט זיך מאנטאג אווענט פארמעל אנגעפאנגען אין דעטראיט. ס'זענען דארט געזאמעלט געווארען אומען געלט צו זיין בכח אויפצועפענען א הויפט־קווארטיר פאר מישיגאן סטייט, אנצופיהרען א מיטגליעדער און ערציהונגס קאמפיין.

די ציעלען און פלענער פון דער נייער פארטיי האבען ערקלעהרט דזש. א. האפקינס און האווארד וויליאמס, ביידע פון נויארק. זיי זענען די הויפט פיהרער פון דער ליבעראלער פארטיי.

אן איבערראשונג איז געווען פאר די פארזאמעלטע, ווען אונערווארט איז ערשינען אלס רעדנערין די גרייזגרויע 73 יעהריגע מרס. אננא גארלין ספענסער. דיזע אלטע פרוי איז אין פארלויף פון איהר לעבען געווען א גייסטליכע (גלחטע) ביי די יוניטארער, פראפעסארין אין א טעאלאגישען אינסטיטוט און א לעהרערין פון סאציאלע וויסענשאפטען.

צווישען אנדערע האט מרס. ספענסער געזאגט פאלגענדעס:

„דיזע באוועגונג פאר א ליבעראלער פארטיי האט אין מיר געפונען א גרויסען אפקלאנג. ווארים, אויב עס איז ווען ניט איז געווען א נויטווענדיגקייט פאר אזא פארטיי, איז דאס איצט.

„ספעציעל איז נויטיג דיזע ליבעראלע פארטיי פאר די פרויען־וועהלער, וועלכע ווערען איצט אריינגעצויגען אין די אלטע פארטייען דורך אזעלכע עלעמענטען, וועלכע האבען די פרויען די גאנצע צייט באקעמפט. דיזע פרויען זענען בלוטיג פאראינטערעסירט אין דעם ערציהונגס־איינפלוס, וואס די נייע ליבעראלע פארטיי קען אויף זיי אויסאיבען.

„זינט דעם יאהר 1636 האבען מיינע אורעלטערען געהאלפען אויפבויען די אמעריקאנער נאציע. איך האב זיך קיינמאל געשעמט פאר מיין לאנד פריהער. — איצט אבער שעם איך זיך זעהר. מען פארלייקענט בירגער זייער קאנסטיטוציאנעלע רעכט פון פרייער רעדע און פרייער פארזאמלונג. מיר האבען געריגנט

דעם לאנד, איינציגע פון [illegible] לאנגע יאהרען, מיר זענען [illegible] פאר דער פרייהייטס באוועגו[illegible]

מר. האפקינס [illegible] זיך גערעדט וועגען דער רעאקציע וועלכע האט איצט געפונען אן ארט אין דער אמעריקאנער רעגירונגס פראגראם. ער האט אנגעוויזען אויף דער געפאהר פון „דער אונזיכטבארער רעגיערונג, וועלכע זוכט איצט אפילו צו קאנטראלירען אונזערע געדאנקען“.

מר. וויליאמס האט זיך אפגעשטעלט אויף די געזעצען, וועלכע די ווילסאן אדמיניסטראציע האט לעצטענס דורכגעפירט. „אויב אזעלכע געזעצען — האט מר. וויליאמס געזאגט — ווי דער פארברעכערישער קאמינס־העס־באהן געזעץ קען דורכגעפיהרט ווערען, דאן איז צייט, דאס מיר זאלען זיך אויפכאפען פון אונזער שלאף“.

מר. וויליאמס האט דאן אנגעוויזען, אז דער ברייטער עולם איז דורך די ביידע עקזיסטירענדע פארטייען פארוואנדעלט געווארען אין א פאסיווע, נאכגעבינגע, ניט דענקענדע מאסע. „און דארום, זאגט ער, נויטיגען מיר זיך אין א שטארקע, ליבעראלע און אפאזיציאנעלע פארטיי צו דער רעאקציאנערער רעפובליקאניש דעמאקראטישער קאאליציע, וועלכע האט טויט געמאכט אונזער נאציע“.

טשארלס ד. שעראו, פון גרענד רעפידס איז געווען פארזיצענדער און ער האט פארגעלעזען א טעלעגראמע, וואס איז ערהאלטען געווארען פון בישאפ וויליאמס, א מיטגליעד פון דער עקזעקוטיווע פון דער ליבעראלער פארטיי. בישאפ וויליאמס פאדערט אויף די אנוועזענדע, דאס זיי זאלען ווערען טעטיג אין דער ליבעראלער באוועגונג.

אין מארגענדיגען נומער „וועג“

צוויי אידישע קינדער, וואס האבען דא, אין דעטראיט, טאטע מאמע, וואלגערען זיך אין א דעטראיט'ער גוי'אישער הויז — ווי קומען זיי אהין? ווארום נעהמט מען זיי פון דארטען נישט ארויס? — לייענט וועגען דעם אין מארגענדיגען „וועג“ אן ארטיקעל פון ב. י. ג—ן מיט'ן נאמען „צו די אידישע פרויען אין דעטראיט“.

אונזער ספעציעלער קארעספאנדענט אין קאפענהאגען ש. פאן האט אין מארגענדיגען נומער אן אינטערעסאנטע קארעספאנדענץ וועגען הילפס פאראיין אין איירא́פא.

פאראעוועסקי האט געטראשעט אז ער וועט צעברעכען זיין פיאנא און אונזער פעליעטאניסט א. אלמי האט דאס אויסגענוצט פאר א מאטעריאל פאר א זעהר געלונגענעם הומאריסטישען פעליעטאן אין מארגענדיגען „וועג“.

א פאמיליע מיט 7 קינדער געפונען אין א דעטראיט'ער שטאל, פאר וועלכער זיי האבען געצאהלט 35 דאלאר א חודש, און אין נויארק איז א פרוי פאראורטיילט געווארען צו פריזאן פאר אניטירען קעגען שוואנגערשאפט — וואס נעהער זיך אן איינס צום אנדערען? — לייענט וועגען דעם דאס לייטארטיקעל פון אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין.

שווייצארישע שטאדט זוכט הלואה פון אמעריקא.

בערן, מארטש 23 — אלס רעזולטאט פון א פלעבוסציט, איז די שטאדט באזעל אויטאריזירט געווארען צו בעטען אן הלואה ביי אמעריקא אויף 50 מיליאן פראנק.

צוויי ברידער באגנבענען זייער טויטער שוועסטער

א וואך צייט איז דער קערפער פון א 23 יאהריגער „וויטרעס“, וועלכע איז געשטארבען דעם 15טען מארטש, געלעגען אין קאונטי־מארג, ווייל איהרע פיער ברידער, וועלכע וואוינען אין מילוואקי, האבען זיך געפיילט צו קומען אהער און באצאהלען פאר דער באערדיגונג פון זייער פריה־צייטיג פארשטארבענער שוועסטער.

דער נאמען פון דער געשטארבענער מיידעל איז געווען מעריען וואן דייק. זי האט געארבייט אין א רעסטאראן אויף 2450 איסט דזשעפערסאן עוו. זי איז פלוצלינג קראנק געווארען און איז געשטארבען אין רעסיווינג האספיטאל.

דער קערפער איז גלייך אפגעפיהרט געווארען אין קאונטי מארג און דער מארג באאמטער מר. קאנלי האט באלד אויסגעפונען, אז זי האט אין מילוואקי פיער ברידער. ער האט צו זיי טעלעגראפירט אין ערשטען און צווייטען טאג ארום זיינען געקומען צוויי שעהן געקליידעטע ספארטס, וועלכע האבען זיך פארגעשטעלט אלס וויליאם און ע. ה. וואן דייק פון מילוואקי. זיי האבען דערקענט דעם קערפער אלס זייער שוועסטער און האבען ערקלעהרט, אז עס טוט זיי זעהר לייד, וואס זייער שוועסטער איז געשטארבען, מחמת זיי קענען ניט „אפארדען“ צו צאהלען פאר אן אנדערטייקער.

פינדעסטוועגען האבען אבער די דאזיגע צוויי „בראטאקעס“ פון דער געשטארבענער מיידעל ניט פארגעסען צו באזוכען דעם צימער וואו די געשטארבענע איז איינגעשטאנען און האבען אויך ניט פארגעסען אויסצוקלוקח'ענען זיבען דאלאר און א פאר שטיקלאך צירונג, פון גאנץ קליינעם ווערט.

— דאס איז פאקטיש דאס גאנצע אייגענטום וואס דאס מיידעל האט פארמאגט.

עס איז נעכטען באקאנט געווארען, אז א וואלטעטיגע קריסטליכע ארגאניזאציע האט זיך אונטערגענומען צו באערדיגען דעם קערפער אויף זייער סעמעטערי און די ברידער אין מילוואקי וועלען — לויט מר. קאנלי — ארעסטירט ווערען אויף דער קלאגע פון איינפאכע גנבה.

מענעדזשער פון „פעשאן שאו“ בלייבט אהן שיך

אבער ער שטעהט נאך אלץ אין האטעל קאדילאק און פארזיכערט אז אלעס וועט זיין „א-קעי“

די אזוי גערופענע „פעשאן גאמבאל“ וועלכע האט זיך אנגעפאנגען לעצטען שבת אין דער ארענא מיט אזא פראכט און גלאנץ, האט זיך געענדיגט לעצטען מאנטאג, ווען צוויי דעפיוטי. שעריפס זענען ארײן מיט א פארשלאג צום מענעדזשער פון דער קאמפאני, מר. ע. גראוויל קאהן, ער זאל ענטוועדער משלם זיין אן אדווערטייזינג ביל פון $912.80 אדער ווערען אוים מענעדזשער.

דער ביילויף, אטא קלאנאוואסקי, וועלכער איז באפאלמעכטיגט געווארען אויפצומאהנען דעם דערמאהנטען חוב און נאך איינגע חובות, האט זיך באלד געכאפט, אז די גאנצע אונטערנעהמונג פון דער „פעשאן פארשטעלונג“ איז ניט מעהר ווי א צוזאמענגעבארגטער קאמפראמיז פון פרעמדע אייגענטום און ער האט זיך גלייך א נעהם געטאן אפצורייסען אלעס וואס דארטען האט זיך געפונען. דער ערשטער חפץ, וואס איהם איז אריינגעפאלען אין די הענט, איז געווען אן אזוי גערופענער „מאדעלנאר מאנטעל“, וועלכער ווערט בלימרשט געשאצט אין ווערט פון $1,025. דער דאזיגער מאנטעל איז גענומען אויף פראבע פון א היגער פירמע וועלכע טענה'ט, אז זי האט נאך א רעכנונג מיט דעם מענעדזשער פון דער קאמפאניע, מחמת דער פריקאס איז נאך ניט באצאהלט.

אויסער דעם האט דער דערמאהנטער ביילויף פארנומען נאך עטליכע מאנטלען און אביסעל קליידער, אבער עס האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען אז די קליידער איז דאס פערזענליכע אייגענטום פון די „מאדעלס“ און אקטריסעס, וועלכע זענען אויך אפגעבלאפט געווארען פון זייער מענעדזשער.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער מענעדזשער קאהן, וועלכער האט געוואוינט אין איינע, פון די שעהנסטע פארלארצימערען אין האטעל קאדילאק און האט זיך אויפגעפיהרט די עטליכע טעג, וואס ער איז געקומען אהער מיט זיין קאמפאניע פון שיקאגא, גלייך ווי ער וואלט געווען דער פרינץ און ווילס פון ענגלאנד — פארמאגט נעבאך ניט א דאלאר בי דער נשמה. ווען א כאהר פון קרעדיטארס, אקטיארען, מאדעלס און כאריסטקעס זיינען איהם באפאלען מאנטאג אווענט מיט ביל'ס און קולאקפויסטען, האט ער זיי ערקלעהרט, אז אלץ וואס זיי קענען ביי איהם פארלויפיג נעהמען, איז זיין דלות.

„איך האב — האט ער געזאגט — פארמישכנ'ט אלע מיינע קליידער. איך האב בלויז איבערגעלאזט איין סוט מיט א צעריסענע פאר שיך און א מאנטעל“.

די דאזיגע ווערטער האט קאהן באשטעטיגט מיט „עקשאן“. ער האט זייגעוויזען אז די זוילען פון זיינע שיך האבען אפגענע מיילער, גלייך ווי זיי וואלטען געבעטען עסען...

ער האט זיי אבער פארזיכערט, אז עס וועט אין גאנצען נעהמען א פאר טעג און אלע חובות וועלען באצאהלט ווערען ביז איין סענט. ער האט זיך געקלאגט, אז זיינע שותפים, עדווערט טאק און לואיס ה. באלקאן, וועלכע זיינען צוזאמען מיט איהם געקומען פון שיקאגא, האבען אין מיטען דעריגען געמאכט פליטה און ער ווייס ניט וואו זייער געגענדעבעניש איז אהינגעקומען.

די גרעסטע סומע האט זיך די דאזיגע קאמופלאזש־קאמפאניע פארשולדיגט צו א געוויסען טעאדאר קינג, וועלכער האט געמאכט א „דיעל“ מיט קאהנ'ען און זיינע פארטנערס און האט אויסגעלעגט די סומע פון $3,300. דער „דיעל“ איז געווען, אז ער זאל דערפאר קריגען א פינפטעל פון די פראפיטען.

„מיין הויפט אויפגאבע יעצט — האט קאהן ערקלעהרט נעכטען צו א רעפארטער, — איז צו אויסצעפינען מיינע פארטנערס און דאן „וועט שוין אלעס זיין א-קעי“.

רויטע ארמיי אין דייטשלאנד זיעגרייך

ספארטאקאנער מאביליזירען זייערע קרעפטען זעהר שנעל. — אונאפהענגיגע סאציאליסטען פאדערען א ריין ארבייטער קאבינעט. — נאסקע'ס רעזיגנאציע אנגענומען. מעגליך עבערטס קאבינעט זאל רעזיגנירען. — ספארטאקאנער פארשפרייטען פראקלאמאציעס אין בערלין ארבייטער זאלען זיך באוואפענען. אויב ארמיי וועט ניט ענטוואפענט ווערען.

קאפענהאגען, מארטש 23. — דער גאנצער מערב אינדוסטריעלער דיסטריקט אין דייטשלאנד געפינט זיך אין די הענט פון די ראדיקאלען און אן אומגליק איז אונפארמיידליך, אויב די רעגיערונגס סאלדאטען וועלען זיך זיי שטעלען אין וועג. דיזער באריכט ווערט איבערגעגעבען הורב'ן טעלעפאן פון בערלין צו דער צייטונג בערלינסקי טידענדע.

אן ארבייטער רעגיערונג, אהן מיטגלידער פון די בורזשואזע פארטייען, איז גאנץ וואהרשיינליך זאל פארנעהמען עבערטס פלאץ.

אין בערלין ווערט צוגעגעבען, דאס די רעגיערונג איז הילפלאז. אין פארזוך איינצושטעלען צוריק דעם גאנג פון נארמאלען לעבען. אין וועסטפאליע קומען נאך אלץ פאר צוזאמענשטויסען. זעהר א קליינע צאהל פון די קויהלען גרעבער האט זיך אומגעקעהרט צו דער ארבייט.

עס ווערט אפגעליקענט, דאס די ארבייטער פון וועסטפאליע שטעלען ארויס באלשעוויסטישע פאדערונגען. זיי פאדערען אן ארבייטער רעגיערונג, וואס זאל זיך האלטען אן דער קאנסטיטוציע.

גוסטאוו נאסקע האט זיין רעזיגנאציע אריינגעשיקט צו פרעזידענט עבערט און זי איז אנגענומען געווארען.

עס ווערט אויך איבערגעגעבען, דאס עבערטס גאנצער מיניסטעריען קאבינעט וועט רעזיגנירען, ווייל די אונאפהענגיגע סאציאליסטען פאדערען, דאס א ריינער ארבייטער מיניסטעריום זאל צוזאמענגעשטעלט ווערען.

די ספארטאקאנער האבען היינט ארויסגעלאזט אין בערלין פראקלאמאציעס, וועלכע פאדערען, דאס די ארמיי זאל ענטוואפענט ווערען, אויב ניט זאלען די ארבייטער זיך באוואפענען. די פראקלאמאציעס פאדערען אויך די ארבייטער, דאס זיי זאלען פארזעצען דעם גענעראל־סטרייק.

עס ווערט איבערגעגעבען דאס דער ספארטאקאנער ראט אין עסען האט אנגעפאנגען דאס צוטיילען פון די גרויסע שטיקער לאנד צו די פאראריימטע פויערים.

עסען, דייטשלאנד, מארטש 23 — דער לאקאלער עקזעקוטיווער ראט אנאנסירט, דאס דער גאנצער אינדוסטריעלער געגענד פון ארום עסען איז אין די הענט פון דער רויטער ארמיי. אוז אז 50,000 ספארטאקער מארשירען ווייג ריך נאך וועסעל, וואו עס „שטעהט דאס לעצטע רעשטעל פון עבערטס ארמעע“.

לאנדאן, מארטש 23. — אין א דעפעש פון קאפענהאגען צו דער טיגער „טיימס“ ווערט געמעלדעט, דאס דיא עבערט רעגיערונג קאנצענטרירט איהר ארמיי לעבען וועזעל, פון וואנען זי וועט אנפיהרען איהר קאמף געגען די דיסטריקטען, וועלכע זענען פארנומען פון דיא ספארטאקאנער.

די ספארטאקאנער פון זייער זייט מאביליזירען זייערע קרעפטען זעהר שנעל און עס איז שווער פאראויסצוזאגען וואס דער פארשטעהענדער שלאכט וועט זיך ענדיגען.

אין לא שאפעל, מארטש 23. — דא ווערט איבערגעגעבען וועגען א צווייטען שלאכט, וואס קומט פאר אין וועזעל צווישען די ספארטאקאנער און די סאלדאטען פון דער רעגולערער ארמיי. דער לעצטער באריכט איז, דאס די ספארטאקאנער האבען ארומגערינגעלט די רעגיערונגס סאלדאטען.

מעיאר לאדט איין פרעזידענט פון די י. אר. צו דעבאטירען

מעיאר קאוזענס איז מאנטאג איינגעלאדען געווארען פון עליאט סטיווענזאן, דעם אנגעשטעלטען לאיער פון דער די. יו. אר., דאס ער זאל מיט איהם אויף איין פלאטפארמע דיסקוטירען דעם פארגעשלאגענעם קאר פלאן, וועגען וועלכען די וועהלער פון דעטראיט וועלען קומענדען 5טען אפריל שטימען.

קאוזענס האט ערקלעהרט, דאס ער וויל ניט דעבאטירען מיט קיין באצאהלטען פארטיידיגער פון דער קאר קא. און נעכטען האט ער געמאכט א דירעקטען ארויסרוף צו דעם פרעזידענט פון דער די. יו. אר., מר. ברוקס צו דיסקוטירען מיט איהם וועגען דעם שטאט־פלאן, אדער דעם פארשלאג פון דער קאר קא.

דער מעיאר האט ארויסגעגעבען א קורצען סטייטמענט וועגען זיין אויפפאדערען מר ברוקס'ן צו א דעבאטע.

„פארוואס — פרעגט דער מעיאר — קומט ניט ארויס מר. ברוקס אפען און זאגט ער דערצעהלען וואס ער וויל? פארוואס וויל ער ניט נעהמען אויף זיך דיא זינד פון דער די. יו. אר'ס טאקטיג? פאר וואס שיקט ער א קאמיטע פון 57 און א גאנצע ארמיי פון לאיערס, וועלכע זאלען דארפען רעדען פאר איהם?

„דיזע פערזאנען — זאגט ווייטער דער מעיאר — פיהלען ניט קיין פאראנטווארטליכקייט און זיי קענען רעדען, וואס זיי ווילען. די קאר קא. איז גנט געבינדען דורך זייערע רייד.

„ברוקס און האטשינס, זיצענדיג געמיטליך אין זייער אפיס, באפעהלען דאס דער קאמאנדיר פון זייער ארמיי פון לאיערס זאל מיר איינלאדען צו א דעבאטע. און אזוי ווערט עס באשטעלט. איך וועל אבער ניט דעבאטירען מיט עליאט סטיווענזאן, אדער מיט אירגענד וועלכען אנדער לאיער זייערען. איך וועל זיין זעהר צופריעדען, אויב איך וועל האבען א מעגליכקייט צו באגעגנען זיך מיט מר. פרענק ברוקס אויף דער פלאטפארם. עס זענען דא א סך פראגען, וואס איך וואלט איהם געוואלט פרעגען“.

מעיאר קאוזענס האט נעכטען גערעדט פאר די אנגעשטעלטע פון דער „בארום עדינג מאשין קא.“ נעגען דער 25 יאהריגער משלה וואס די די. יו. אר. האט גענומען איבער דעטראיט.

„דער שטאטישער פלאן, — האט מר. קאוזענס געזאגט — איז א קאמף צווישען דער קאר קא. און דער שטאט.

דער מעיאר האט זיי ערקלעהרט, דאס עס איז דא נאר איין פלאן, איבער וועלכען צו שטימען און דאס זיי זאלען זיך ניט לאזען איינרעדען, אז מען וועט שטימען איבער צוויי פלענער.

„קיין שטראף, וואס מיר וועלען ארויפלעגען אויף דער קאר קאמפאני, וועט ניט העלפען, האט קאוזענס געזאגט, די איינציגע זאך, וואס דעטראיט קען טאן איז פארטרייבען די די. יו. אר. פון די היגע גאסען“.

מארגענטוי נאמינירט אלס אמבאסאדאר צו מעקסיקא.

וואשינגטאן, מארטש 23. — אין ווייסען הויז האט מען היינט אנאנסירט, דאס הענרי מארגענטוי איז ערוועהלט געווארען אלס אמבאסאדאר צו דער מעקסיקאנער רעגיערונג.

הענרי מארגענטוי איז געווען אמבאסאדאר אין טערקיי אינ'ם משך פון דיא ערשטע דריי יאהר מלחמה. ער איז געשיקט געווארען פון ווילסאנ'ען אין פויליען, אלס הויפט פון דער אמעריקאנער קאמיסיע אויסצופארשען די פאגראמען אויף אידען. זיין באריכט וועגען די פאגראמען האט ארויסגערופען פיעל פראטעסטען ביי אידען, ווייל ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם אסימילאציאנס גייסט.

ערשטע תשובות פון דינים און משפטים נעקסטען פרייטאג

וויעל עס האט עפעס צו פרעגען ביי א לאיער זאל זיך ווענדען אין רעדאקציע פון „וועג“ דורך א בריעף, געשריבען אויף איין זייט פאפיר, מיט טינט און אנגעגעבען דעם נאמען און אדרעס אפילו ווען מען וויל, אז דער נאמען זאל ניט געדרוקט זיין.

יעדער פראגע וועט געענטפערט ווערען פון די באקאנטע דעטראיטער אידישע אדוואקאטען י. ר. לימאן און מ. ל. ליסס.

אינם פרייטאגדיגען „וועג“ וועלען פארעפענטליכט ווערען די ערשטע תשובות צו די וואס האבען זיך געווענדעט צו אונז פאר ליגאל אדווייז.

שטארקע טעטיגקייט פאר דער דעי נורסערי

אויפ'ן מיטינג פון דער דעי נורסערי, וואס איז אפגעהאלטען געווארען מאנטאג אווענט אין עטינגערס האל, איז באשלאסען געווארען אנצופיהרען א שטארקע טעטיגקייט אויף דער דעטראיטער אידישער גאס פאר דער פארמעהרונג פון דער צאהל מיטגליעדער.

כמעט אלע פרויען פון די פארזאמעלטע האבען זיך ארויסגעדריקט פול מיט אפטימיזם און באגייסטערונג וועגען דער צוקונפט וואס ערווארטעט דיזער וויכטיגער ארגאניזאציע.

אויפ'ן פארשלאג פון דער סעקרעטארשע, איז איינשטימיג אנגענומען געווארען א באשלוס צו באדאנקען דעם רעדאקטאר פון „וועג“ פאר זיין עדיטאריעל אין מאנטאגדיגען נומער און אין דער וועלכער צייט איהם בעטען, אז ער זאל אויך ווייטער העלפען דיזער וויכטיגער ארגאניזאציע אין איהר צוקונפטיגער ארבייט.

א באשלוס איז אנגענומען געווארען צו שיקען די מרס. לעווין און מרס. מעדי בעזידער קיין מאונט קלעמענס אויסצוזוכען א פאסיגען פלאץ פאר א פיקניק אונטערנעהמונג.

אין די דעבאטען האבען זיך באטייליגט אלע אנוועזענדע פרויען און אויך מר. אייזיקסאן.

CLASSIFIED

צו פארקויפען א גרויסע קארנער גראסערי. פרעגען: מה. באלעטצקי 749 רוזוועלט עוו. וואלנאט 1255 26)

צו פארקויפען. א מיטשעל קאר אין גוטען קאנדישאן. פרעגען: מר. באלעטצקי 749 רוזוועלט עוו. וואלנאט 1255 26)

צו פארקויפען. א גוטער וואגען פאר א סטאר, אין גוטען קאנדישאן. פרעגען: מר. באלעטצקי 749 רוזוועלט סט. וואלנאט 1255 26)

פארטנער פארלאנגט, צו איין בוטשער שאפ אין בעסטען אידישען געגענד מוז זיין עקספיריענסד אדער אין נאנצען צו פארקויפען, פרעגען 1253 הייסטינגס סט. פאר מר. שעכטער. 25)

פסחדיגע שמאלץ צו פארקויפען. $1.25 א פונט. מר. סלאן, 169 גורדוין אין די ריער. 28)

סטאר און פיקטשורס צו פארקויפען אין קאנטרי מיט 15 הונדערט דאלאר אין בעסטען לאקיישאן, קען קריגען א לים 125 דאלאר א חודש רענט זיכער צו מאכען געלט. פרעגען י. ל. מאלאמוט אין „וועג" אדער באקס נומער 125 (אוגוסט בראדערס) 26)

כשרה הויזקיפער פארלאנגט. אין א פיינע אידישע הויז אין פארט הוראן. מוז קאנען גוט קאכען און אויך אויפפאסען די הויז. גוטע היים און גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאן. רייזע קאסטען אומגעקעהרט אויב נאך צופריעדענשטעלענד. נאכפרעגען: וולם לאנדאן, 75 פארנס וואר. — טעל. נארטהוויי 1675.ר. אדער בען לאנדאן, 620 בראש סט. מעלראוז דושיי 1310 26)

צו פארקויפען. א הויז אויף 55 טשויטש סט. מט. קלעמענס מישיגאן. 10 רומס אלע מאדערנע אימפרוואומענטס, פרייז $8.000 איינצאהלען $3.500 פרעגען: נ. זוסמאן 2040 רושאזעף קעמפאו.

צו פארקויפען. א גוט עטאבלירטע קריסטליכע בוטשער שאפ אויף 703 הייטינגס, נעבען אילינוים, אורזאכע פארטנערס שטימען נים 26)

אדווערטייזט אין "וועג"

ווארע ביליג פאר סטאר-קי-פערס און פעדלערס

ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס

מאקס האזינסקי

353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ-שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלעזען פון אלע אייערע טראבעלס.

נעהט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט

Frosh O. D.

אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגעניבער עהרליך"ס דושועלרי סטאר.

שיקט אריין נאר 2 דאלאר

וועט איהר באקומען א האלב יאהר צייט איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.

דאס „פאלקסבלאט".

א **דעמאקראטישער** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"**. וועלכעס האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוילען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר אויך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.

דאס **„פאלקסבלאט"** וועט אייך אויך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר פערקניפען געשעפטליכע בעציהונגען מיט מזרח-אייראפא.

דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס „פאלקסבלאט".** אדרעס:

Lodz, Petrokowska 37, Poland

— באקאנטמאכונג —

רעוו. א. קאצער

וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען

מוהל

זייט די לעצטע 20 יאהר

האט נעמופט פון 263 פארנסווארט אין

140 מיגרהורי, קאר. בראש

טעלעפאן: מארקעט 827

דר. ה. סטאריקאף

דענטיסט

דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק, מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. געמאכט נאר פון ריינער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פארערט דוראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CIGAR MFG. CO

געמאכט אין דעטרויט.

אוקלאנדער אידען

פיקסען זייערע

ציינער

ביי

Dr. H. Goodman

דענטיסט

געמופט פון 427 וואודווארד

737 אוקלאנד עוו.

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.

596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן

סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און בא'ים קלאדינג.

אונזערע פרייזען זענען תמיד די מעזינסטע אין שטאדט.

פ. בונין, פראפ.

קוואסעלאוו און קאטליערס

האלסייל און ריטייל

דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נאשי גודס א. ז. וו.

454 הייסטינגס סטריט

שעכטער'ס דראג סטאר

47 הייסטינגס סט.

טעלעפאן, משערי 5763

פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח

סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קוירטענס, פענסי דריי-גודס.

מאכט. קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע

Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע בלעסער, שליסלען קארפענטער זעגען, טולס און אנדערע

ארבייט

גוט געמאכט און גאראנטירט?

מו קומט צו

מ. דאמניטץ

245 מאנטקאלםסט.

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אבערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל-קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געיוזטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.

רעלייבל סטאר פיקטשור קא.

305 גרעשיאט עווניו

טעל. קאדילאק 2445

277 מישיגאן עוועניו

טעל. קאדילאק 4924 עס.

ל. ה. רייבלין

פון אהבת אחים שוהל

(אוקלאנד)

נעהמט אן **סדור קדושין** און אנדערע שמחות מיט די בעסטע צופרידענהייט.

511 **קעמערען עוועניו**

טעל. העמלאק 1130 ראבעלוו

מאשין-פיקטשור אפריימארס

לערענט זיך פאר לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן

בעסטע אונגארישע מאכלים;

דזשיי סיגעל און בארשי

אייגענטהימער

337 הייסטינגס סט.

אונזערע

דעטראיטער אגענטען

זיינען

דזשיי לעפקאווסקי און סאנס

בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס:

— די —

סטענדערד באַרעל קא.

האט געמופט דעם אפיס אין

52 **נאפאלעאן סט.**

טעל. משערי 8158

מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באַלעס.

דוד האפמאן, מענעדזשער

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(באַרזעצונג)

זי האט וויטער א מאך געטאן מיט די ווישקעס און שטעהנדיג אויף איין ארט האבען זיי ביידע אנגעהויבען שטארק טופען מיט די פיסלעך, גאנצע צוויי מינוט, און דאס ברידערל האט א געשריי געטאן: טפללא, שטעה, מען דארף די פערד שוין געבען עסען, ער האט ארויסגעלאזט פון מויל די בענדלעך, זי איז אוועקגעגאנגען אביסעל אין דער זייט פון דעם שטעקעל, ער האט געמאכט מיט די בענדלעך אזא צערעמאָניע פונקט ווי ער הארעוועט פערד, און זי האט זיך אויף קאטאוועסען געזעצט ווייגען: איך האב אין דערהיים איבערגעלאזט מיין קינד (איהר ליאלקע) אויף הפקר, ווער וועט דאס זויגען, ווער וועט דאס וויקלען אז איך בין ניט דא. איבערגעלאזט עס אויף פרעמדע הענט — האט ניט אויפגעהערט צו ענדיגען אלעם וואס זי האט געהערט פון איהר מאמען ערשט פאראכטוּנג ווען זי איז אויף צוויי טעג אוועקגעפאהרען, און געוואלט איצט פינקט נאכמאכען, האט שוין איהר בעל עגלה זיך אנגעשפאנט אין די בענדלעך און האט געשריען, ער קען ניט ווארטען ער מיז שוין פאהרען, עס איז שוין באלד נאכט, עס כמארעט זיך און אויף א רעגען, מען דארף גיכער קומען אין קרעטשמע: די פארשיינען זענען ווייטער אייעק אלע צוויי מינוט זיך אפגעשטעלט ביי א נייער קרעטשמע, און אין 15 מינוט ארום זענען זיי שוין געקומען פון רוסלאנד מיט דער איינגעקויפטער סחורה פריידעטשקע איז ווי איין אפגעבריהטע, ווי א הייסע טעלער געפליגען גלייך אינטערן טאפטשאן ארויסגעשלעפט דעם טאטענס איין אלטען רעזינאוועקאלאש, וואו עס איז געלעגען איינגעוויקעלט איהר ליאלקע, און פריידעטשקע האט זיך אויף קאטאוועסען צוזויינט פאר גרויס שמחה.

— אוי מיין ליעב קינד, איך האב דיך איבערגעלאזט אליין, אוי וועה איז מיר, זעהט נאר וואס פאר א פנים עס האט, איך קען עס גאר ניט דערקענען, מען האט עס אפילו איין מאל ניט געבאדען און ניט געוויקעלט ווי עס דארף צו זיין. —

ווי א געטרייע מיטער האט זי אנגעהויבען איבערוויקלען די ליאלקע אין דעקביי מיט א רחמנות פנים אנגעזיגען דאס קינד: ווייין ניט מיין טייערע, די מאמע איז שוין געקומען, זי וועט שוין קיינמאל ניט אוועקפאהרען, די ביזט ביי מיר טייערער פון אלעם. איך וועל דיך נאך אפבאדען און איינוויקלען דיך וויעסט דו זעהן וואס פאר א טייערע מתנות איך האב דיר געקויפט, דערנאך האט פריידעטשקע זי אנידערגעלעגט ביי זיך אויפ'ן פארעלע, און איהר געגעבען זויגען: ביזט אודאי הונגעריג מיין טייער קינד, זויג, ביי דער מאמען, איך בין דאך דיין מאמע. נאר וואס ווייניסטו? איך האב דאך דיר געבראכט א סך מתנות — און בעת מעשה האט זי אנגעהויבען ארויסשלעפען פון דער קעשענע אלע איהרע שפילכלעך און אוועקגעשעטעט דער ליאלקע און ווייטער געגעבען זויגען, צוגעדריקט צום הארצען און מיט גרוים ליעבשאפט איהרע גרויסע שווארצע אויגעלעך פון איהר קינד ניט ארפגענומען.

קיין שום אקטיאר איז ניט אזוי אין שטאנד ריכטיג נאכצומאכען סצענעס פון לעבען, ווי קינדער ווען זיי שפיעלען זיך, לאה האט זיך אזוי פארטראכט אויף זייער שפיעל אז זי האט פיר זיך געזעהן איהר קינד, ווי זי האט עס איבערגעלאזט אליין אויף פרעמדע הענט, קיינער האט עס ניט צו זיגען, עס שרייט, עס רייסט זיך, עס ליגט אין נאסע ווינדלעך, לאה האט געפיהלט די פרייד ווען די מוטער איז געקומען צוריק צו איהר קינד! זי האט געפיהלט ווי זי דריקט צו איהר קינד צום הארצען און זי איז געווען גליקליך; נאר ווען פריידעטשקע האט צוריק די ליאלקע אנידערגעלעגט אין קאלאש, מיט א וויינג ליעדעלע עס פארוויגט און ווען עס איז איהר סקוטשנע געווארען דער שפיעל, האט זי ווייטער די ליאלקע מיט דעם קאלאש פארדוקט אונטער דעם טאפשאן און צוגעלאפען צו דער מוטער נעבע אויוועז, זיך צוזויינט ווי א קינד אז זי וויל שוין עסען, דעמאָלט האט זיך לאה דערמאנט, אז זי איז דאך גאנץ חזיט פון איהר קינד!...

גאט ווייס וואס מיט איהר וואלט איצטער געשעהן, נאר זי האט ארומגעבאפט פריידעטשקע און זי שטארק געקושט, עס איז איהר געווארען א סך גרינ-נער, נאר פון רעסטווענען איז זי זעהר טרויעריג אוועקגעגאנגען צו זיך אין שטיבעל.—

אין גאס איז שוין געווען גוט פינסטער, דער גאנצער הימעל איז שוין געווען אויסגעשטערנט, עלא לאמטערנעם פון די גאסען האבען שוין געברענט, לאה האט דורך איהר שמאל פענסטערל געקוקט אויף דער גאס, נאר איהרע געדאנקען זענען געווען ערגעץ אנדערש.

— בין איך ניט קיין נאר? איך טראכט, איך דרעה זיך דעם מוח וואו נעמט מען מארגען צום צאהלען דער בעל-בית'טע; פריהער מיט א שעה האט זיך מיר אויסגעוויזען, ווען איך זאל האבען צו באצאהלען דער בעל בית'טע וואלט איך געווען א גליקליכע זי וואלט מיר שוין ניט דאקוטשעט, איך וואלט געווען רוהיג; אוי, ווי פארגעס איך זיך! איז דען דאס מיין זארג? זארגען פאר א דירה! וואס טו איך דען דא אין בוקארעסט אזוי לאנג? איך דארף דען דא בלייבען? איך פאהר דאך זיך אהיים. איך האב זיך מיין גאנץ לעבען איינגעשטעלט און בין אנטלאפען, איך זאל קענען קומען אהיים צו מיין קינד!... לאז זיין דארט מיט מיר וואס עס וויל זיך אבי איך זאל זיין שטענדיג מיט מיין קינד! וואס זשע טו איך דא? און אז איך וועל שוין באצאהלען, פאר קווארטיר, וואס זשע האב איך דא ווייטער צו טאן, שטעלען ווייל איך דא ניט זוכען, קיין טובות פון מענשען ווייל איך ניט בעטען, וואס זשע וועט זיין דער סוף? ניין, זיי'ער בעטען ביי יענעם טובות, אייערר...

זי האט זיך אנגעכאפט ביים קאפ אויסגעשריען שטיל פאר די פיער ווענט: הונגער, קעלט, צרות אלעם בין איך אין שטאנד איבערצוליידען, נאר ניט זעהן מיך מיט מיין קינד, מיין קינד אל זיין אין פרעמדע הענט, ווער ווייס צי עס איז שוין ביי ר' זמיגען! פאר מיין קינד, פאר מיין קינד, אלעס!...

זי איז ארויסגעגאנגען אין גאס איינגעוויקעלט אין דעם איינציגען שאל וואס זי האט פארמאגט.

לאנג האט זי זיך געדרעהט אויף די טראטואַרען פון דער בוקארעשטער גרויסער גאס, א מאל הונדערט האט זי זיך אפגעשטעלט, עפעס געוואלט טאן עפעס געוואלט זאגען, נאר זי האט גאר ניט געטאן, און איז ווייטער געגאנגען, נאר פלוצים איז זי געבליבען שטעהן און האט אפגעשטעלט א מאן פון א יאהר דרייסיג זעהר רייך געקליידעט, ער האט זיך באלד אנידערגעשטעלט און געווארט וואס זי וועט זאגען, נאר זי האט געשוויגען; פאר דעם ליכטיגקייט פון די גאס לאמטערנען האט ער נאר געזעהן ווי זי איז זעהר בלאס, ציטערט מיט אלע אברים און שאקעלט מיט די ליפען, ער האט ארויסגענומען פון קעשענע, איהר געגעבען א נדבה און אליין גיך אוועקגעגאנגען זיין גאנג, לאה איז געבליבען אויף איהר ארט שטעהן, און איז אביסעל געקומען צו זיך פאר שרעק, זי איז שוין אליין, זי שעפעט קיינעם ניט; זי האט אויפגעמאכט די האנט און געזעהן פינף רומענישע באנים (גאלדענע מטבעות) ווי איינער ווערט שטארק פארוואונדערט אויף א זאך וואס זעהט דאס ערשטע מאל אין לעבען, אזוי האט זי מיט פארוואונדערטע אויגען געקוקט אין דער זייט וואו דער מאן איז אוועקגעגאנגען און נאך אמאל א קוק געטאן אויף דער געלט און געוואונדערט זיך:

— ער האט מיר געגעבען געלט און איז אוועקגעגאנגען? געלט געגעבען און וויל גאר ניט פון מיר? וואונדערליך!... פאר וואס זשע האט ער מיר געגעבען?

זי האט זיך אזוי געוואונדערט, ווי גלייך זי זאל זעהן א זאך וואס איז ניט מעגליך, וואס קען גאר ניט זיין, און ניט פארקומען.—

אומגליקליכע! זי האט ניט געגלייבט אז עס זאל זיך געפינען א מענש אויף דער וועלט, וואס זאל איהר געבען אזוי פיעל געלט און גאר ניט וועלען פון איהר. זי האט זיך דערמאנט אן דעם אלטען לאַבערבלאט, ווי ער האט איהר געגעבען נאך מעהר געלט און אויך געזאגט אז ער האט נאר רחמנות אויף איהר. זי האט זיך געלאזט לויפען נאך דעם מענשען, איהם א ווארף טאן דאס געלט, נאר זי האט איהם שוין ניט געקענט געפינען.

(פארזעצונג פאלגט)

אלומינום און גראניט-וועהר לכבוד פסח

אויך א פולען ליין קראקערי קריגט איהר ביי

די לעבעוויצער הילפס פעראיין וועט אפהאלטען איהר נעכסטען מיטינג היינט מיטוואך אווענד דעם 24טען מערץ אין ווילקינס ת"ת די קאמיטע וועט איבערגעבען זייער רעפארט פון די קאלעקשאנס. מיר בעטען אלע מעמבערס צו קומען הערען דעם רעפארט.

מיט אכטונג,

די קאמיטע.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע ליינס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קוירטענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס, מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין

חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט

טעלעפאן, מעין 4420

וויל איהר סייווען 30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס

— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

האלס

צו פארענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט

— 204 הענקאק איסט —

פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטערארישע אווענטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות.

ביליגע פרייזען.

פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.

מ. שטאק.

א נייער ליסט פון רעסיטס וואס זענען ערהאלטען געווארען פון

דוד גאלדמאן, ווארשאו, פוילען

מיר דרוקען דא א ליסט פון רעסיטס און די נעמען פון די וואס האבען געשיקט געלט דורך אונזער פארטרעטער דוד גאלדמאן. מיר דרוקען אויך א ליסט פון די סומען וואס זענען געשיקט געווארען און ווער עס האט די געלדער ערהאלטען.

מר. גאלדמאן לאזט אונז היינט וויסען דורך קייבעל, אז געלדער וואס וועלען גלייך געשיקט ווערען דורך קייבעל וועט ער זיך באמיהען אויסצוצאלען אויף פסח.

נאמען	שטאדט	סומע	געשיקט פון
חיה בערמאן	ווארשאו	35,000	מ. מילגראם
ליב בעקערשטיין	ווארשאו	33.000	לאיער בעקענשטיין
שרה וואלאך	סטאשקאוו	10.000	א. וואלאק
פריידעל טיקאצקי	ביאליסטאק	10.000	
ירוחם בלומענקאפ	ווארשאו	3.000	הערי גראנאט
רבקה מינסקי	יאסינאווקא	5.000	מ. סטאר-
שמואל סטאראוואלסקי	יאסינאווקא	40.000	מ. סטאר-
רחל הארעווין	לוצק	5.000	גרשן הורוויץ
רבקה טריוואקס	מעזריטש	1.000	טריוואקס
איידעל טשאפניק	טשענסטאכאוו	15.000	מר. שטאפניק
ראזע פינקעלשטיין	וואלאמין	5.000	שוחט פינקעלשטיין
חנה פאניאטשעק	וואלאמין	5.000	ה. פיין
בעני סליפאק	מינסק	10,000	איסר ראבינאוויץ
יעקב מילער	ווארשאו	700	מ. נאגעל
רחל מאסקאוויץ	בענדאן	500	מ. ראזען
נ. בוקאווסקי	גראיעוו	700	הערי וויינשטיין
גאלדע פאדלאסקי	סעדליץ	2,000	ס. ווייסמאן
לייזער יאבלאנקא	סעדלעצקא	500	סעם שטיינבערג
בערקא וווישניא	מעזריטש	1.300	שרה שולמאן
שרה מלמד	קאוועל	1.000	הערי ווילמעט
אלמע פען	סעדליץ	2.000	חיים פען
חנה פישקע	קאוועל	1.000	נ. ראזען
זיסמאן גאלדבערג	לארזש	500	סאלי גאלדבערג
הענק באקסער	קאוועל	1.500	שרה באקסער
אייזיק לופין	ווילנא	200	ל. סילווער
מענדיל ראזענבערג	פעטראקאווסקא	1.000	חושייקאב באנד
וואלף דוד באנד	פעטראקאווסקא	500	דזשייקאב באנד
רחל קאפטשאווסקא	סאוואלק	1.000	ה. זעמאן
רבקה מאיל	ווארשאו	3.000	י. מאיל
זעליג וואלף שטיין	קאוועל	1.000	דזשיי סטיין
ריוויל ראבינאוויטש	ווילנא	500	ב. סאפער
רפאל ראזענבערג	נאוואמאסטא	500	ד. ראזענבערג
פראדע שמוקלער	ווארשאו	1.750	ראזע אשמאן
פייגע גאמאלינסקי	פעטראקאוו	500	דזשייק פריישמאן
גרשן סטאשעווסקי	ווארשאו	900	פ. סטאשעווסקי
הירש קרעמער	ווילנא	1.200	מארים קרעמער
לייזער יאבלאנקא	סעדלעץ	500	סעם סטייטבערג
שרה קאזאק	ראזישטש	1,000	שלמה קאזאק
הינדע ביילע נאגעל	שטערבעטשין	1.400	מארים נאגעל
יחזקאל טאקארטש	לארזש	2,000	סעם קארנוואסער
בערטא אפעלבוים	סאוואלק	300	ה. אפעלבוים
אברהם האלפעראוויץ	ווילנא	1:145	א. סטיינמאן
ישראל עהרליך	לוקאטש	.10.000	דזשיי עהרליך
איטע סיידער	טשעבונאוו	500	נפתלי סיידער
יאסיק קאשקעט	קאלושין	1.000	א. גאלדבערג
מרדכי רעמב	קאלושין	500	יעקב רעמב
רחל מעמע גאבלער	וואיסלאוועץ	500	דזשאזעף מארעל
יאסעף גינדע	קאזלאווטשיזנא	1.000	ס. פאלק
שרה גאלדמאן	קראסנא	2.000	סיימאן גאלדמאן
חיה לובלינער	אפאטאוו	1.000	מעקס לובלינער
אליאנא סעמעוואקאווא	אליעסקא	.500	י. סעמעניוק

נאמען	שטאדט	סומע	געשיקט פון
שרה מרים קרעפיאן	מעזריטש	3,000	מ. קרעפמאן
אברהם דוד מענדארף	בערעזין	1.000	איזידאר מענדארף
ירוחם לאמבערג	קוראוו	1.000	פ. לאמבערג
שרה לאה לאמבערג	קוראוו	5.000	פ. לאמבערג
יוסף רינוואט	קאלושין	500	היימאן [illegible]
ראה ראזענבאום	העמברין	2,000	מאקס ראזענבאום
אייזיק וועלקין	לאדזש	2,000	מ. בילפילד
לאה טאהיאן	חארזשער	26.800	מ. טאביאן
תנחום קאוואל	חארזשער	1.000	ל. זעמאן
בענזשאמין באלל	גאמבין	1.000	דזש. באלל
סטעלקא סטאליסטאווסקי	גראיעוו	900	מארטין סינער
אברהם פרענק	טשעראנאוו	500	לואיס ראננער
חיה שרה גאלאמביק	ווארשאו	1.000	מרס. גאלדבערג
דוד געליבטער	קאלושין	1.000	אבא געליבטער
אסתר סינגער	ווארשאו	5.000	דזש. סינגער
מאנועל טאמשינסקי	לאדזש	1.000	ס. מארדים
רחל פינקעלשטיין	ראדאם	1500	וו. פינקעלשטיין
ראיא גראף	בעלסק	2.000	מעקס גראף
יאן פאליעווסקי	סאוואלק	1.000	א. לאיעווסקי
שרה ליבע הורוויץ	ווארשאו	1.500	מ. מילגראם
חנה בערנשטיין	פיאסקי	2.000	ס. בערנשטיין
ריבקע ליבערמאן	מעזריטש	5.000	ה. עהרליך
פייגע גאז	וולאדימיר וואלינסק	1.500	נ. גראסס
קיילא פרידמאן	קאמענא קאשירסק	5.000	סעם פרידמאן
שלום פרידמאן	קאמענא קאשירסק	1.500	איזראעל פרידמאן
ציפע שיפמאן	קאוועל	5.000	רזשא שיפמאן
פעשע ראבינאוויטש	וואלקאוויסק	5.000	י. ראבינאוויטש
שמואל מאקס אפרת	סוואלק	3.000	דזשיי אפרת
אהרן איציק זייגער	ראמביע	1.000	דזש. זייגער
טעמער זייגער	ראמביע	3.000	דזש. זייגער
טשארנע איטע טרעמסקע	וולאצלאוועק	2.000	דארים טרעמבער
מענדעל פאס	פולטוסק	1.000	דבורה זענעלמאן
בראנציע וועבער	סטאשאוו	1.500	א. וועבער
סעמועל סטאראוואלסקי	יאסינאווקא	10.000	מ. סטאר
שייקע ארליק	אסטראווא	1.400	ג. בלושטיין
נעכע הענדעלמאן	יאדאוו	1.000	לואיס פינקעלמאן
טוביה סטראסבערג	יאדאוו	1:000	לואיס פינקעלמאן
יונה פינקעלמאן	יאדאוו	1.00	לואיס פינקעלמאן
יעקב גריטבערג	יאדאוו	1.00	ראזע פרידמאן
מרדכי ראובן גוטמאן	יאדאוו	2.000	הערי גודמאן
דוד מעלצער	יאדאוו	1.000	הערי גודמאן
שרה נארבאווסקי	יאדאוו	2.000	מאקס גאלד
חוה גאלדסמיט	ביאלא פאדלאסקא	3.000	פישעל גאלדסמיט
חיה גאלגאן	אסטראווא	2.000	סעם וויים
שרה וואלאך	סטאראווקא	10.000	א. וואלאך
פייגע טאפאל	טשעראנאוו	500	א. גאלדסמיט
חיה ווייגמאן	ראדאם	2.000	מ. ווייגמאן
ד. ווינדלינג	וואלברום	250	נ. ווינדלינג
חנה נאוואלאצקי	בענדזין	2.000	י. נאוואלאצקי
חיה פייגע לוקסענבערג	גראיעוו	1.500	הערי לוקסענבערג
ב. הירשמאוויץ	דזאלאשיצא	1.000	ט. בייטנער
איידעל חיימאוויץ	לוצק	1.000	סעם דרעטלער

GOLDMAN BROS. 393 HASTINGS

FOREIGN OFFICE:

Przejazd 5, David Goldman, Warsaw, Poland

וואטשט די ציטונגען פאר א ווייטערדיגען ליסט פון רעסיטס

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office. Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

מיטוואך, מארטש 24טער, 1920

פרינץ פעיזעל ווערט אומשטערבליך.

די לעזער האבען געוויס באמערקט א שטיקעל נייעס אויף דער ערשטער זייט פון אונזער מאנטאג'דיגער איסגאבע אונטער'ן נאמען „פעיזאל'ס ערשטע מפלה".

אין דעם קורצען שטיקעל נייעס ווערט דערצעהלט אז ענגלאנד און פראנקרייך האבען זיך ענטזאגט צו אנערקענען פרינץ פעיזאל אלס קעניג פון סיריען. ביידע רעגירונגען האבען איהם געלאזט וויסען דאס דער באשלוס פון דעם קאנגרעס אין דמשק, וועלכער האט דעם פרינץ פעיזאל ערקלערט אלס קעניג האט קיין שום ווערטה און אויב פעיזאל האט עפעס קרייוודעס צו ענגלאנד און פראנקרייך, זאל ער קומען נאך אייראפא און זיי פארברייננגען.

דיעזע ערקלערונג קומט דירעקט פון פרעמיער לאיד דזשארדזש, אלס ענטפער אויף א פראגע וועלבע מען האט איהם געשטעלט אין די „האוז אין קאמאנס".

ביז איצט איז עס געווען קלאהר, אז פעיזאל איז דער שטארקסטער מאן אין אראביען, סיריען, אויף דעם גאנצען אריענט — האבען מיר דא געמיינט — איז פאראן איין מענש וואס קען איבאויפען זיין איינפלוס אויף די עליים און דאס איז פרינץ פעיזאל. מיר האבען דא מיט חשד און אמאל מיט פארצווייפלונג זיך צוגעהערט צו זיין אימליכם ווארט; מיר האבען אפטמאל מיט שרעק געהיט זיין איטליכען שריט און זיין קלענסטע באוועגונג. ווייל מיר זיינען געווען אונטער דעם איינדרוק, אז פעיזאל רעגירט מיט די סיריער, האט די פולע דעה ביי די אראבער, און פון דן ביז באר שבע ווערט זיין ווארט איסגעהערט און זיין באפעהל איסגעפאלגט.

אזוי האבען מיר געדענקט.

אזוי האבען אויך געדענקט די פיהרער פון דער אייראפעאישער פאליטיק.

און דערפאר האבען זיי איהם באהאנדעלט ווי א בן יחיד און האבען תמיד צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אויף אלע זיינע רייד און פאדערונגען און האבען מיט שטילשווייגען זיך צוגעהערט צו די העצער אין אראביען און האבען געלאזט אנגעהן די אנטי־אידישע העצעס אין דער אידענפיינדליכער צייטונג „סוריה אל'ג'נוביא" און אפטמאל האבען זיי אפילו מיט א גלייכגילטיגער פריינדליכקייט זיך באצויגען צו די וואס האבען אגיטירט קעגען דער ענגלישער פאליטיק.

אין פאריז וואו מען האט געקוקט קרום אויף דער ענגלישער פאליטיק אין מזרח, האט מען די פעיזאלס בוודאי אפגעגעבען דעם גאנצען איבערגאן. מען האט אפשר אין ענגלאנד נישט געוואוסט קלאהר אז פעיזאל איז א שטארקער אנהענגער פון א פאן אראבישער באוועגונג. פאריז האט דאס אבער זיכער געוואוסט. פונדעסטוועגען — און אפשר טאקע דערפאר — האט מען איהם מיט גרויס חשיבות באהאנדעלט אויף דעם חשבון וואס ער האט אוי־סערליך געשפיעלט די ראלע פון א פריינד פון די עליים.

פיסלעכווייז אבער האט מען זיך ארומגעזעהן אין אייראפא, אז פעיזאל איז גארנישט אזא חשוב נישט אין סיריען און נישט אין אראביען; אז מען האט איהם געגעבען מעהר אנערקענונג, ווי ער האט פארדיענט און אז די אנהענגער פון א פאן אראבישער באוועגונג איז א געפאהר פאר דער אייראפעאישער פאליטיק.

ווען פעיזאל האט שוין אליין נישט געוואוסט אויף ווי ווייט ער זאל פריי לאזען זיינע אפעטיטען און האט שוין געפאדערט אז די עליים זאלען איהם אפגעבען סיריען, פאלעסטינא און מעסאפאטאמיען, האבען די עליים זיך ערשט געכאפט, אז דער פרינץ נעהמט צו ווייט און מען האט אנגעהויבען צו אונטערגראבען דעם פאליטישען איינפלוס פון דעם פרינץ.

איסגעפונען האט מען, אז קודם כל איז ער גארנישט אזא גרויסער חשוב, ווי עס האבען אונז געוואלט איינרעדען די פארטרעטער פון ענגלאנד אין פאלעסטינא; אז באמת איז ער פארהאסט ביי די קריסטליכע אראבער, אז אין אראביען גופא איז קיין איינהייטליכע אחדות נישטא, אז פעיזאל איז פלויז דער אינסטרומענט פון די אראבישע נאציאנאליסטען, וועלכע וואלטען וועלען פטור ווערען פון אלע אייראפעער און אז דער גאנצער לבנון און שטיקער סיריען וועלען באן איפן זיך נישט לאזען אזוי גרינג פאראייניגען מיט דער אראבישער ממשלה און בפרט שיין אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם „קעניג פעיזאל".

עס האט זיך אויך ארויסגעשטעלט אז דער „קעניג פעיזאל" איז אפילו נישט מדקדק ווען איהם פאסט צו זאגען א פשוט'ן ליגען. אזוי, למשל, האט ער פארזיכערט די עליים, אז דער געגענד בירות, דאס סירישע פאלק, גאנץ מעסאפאטאמיען און דער לבנון־געגענד האבען איהם באפאלמעכטיגט צו ריידען צו דער פריעדענס־קאנפערענץ און אז זיי ווילען, אז ער, פעיזאל, זאל גרינדען א דעמאקראטישע רעגירונג.

די פריעדענס קאנפערענץ האט איהם געגלויבט.

אבער עס איז געווען א . הורבאים פאלשער באריכט. בירות און לבנון זיינען באזעצט פון א מעהרהייט קריסטען און זיי — די מיליאנען קריסטען — האבען דאס איצט אפגעלייקענט און מוסיף געווען: „ווי קומט פעיזאל צו ריידען פון א דעמאקראטישער רעגירונג, אז דער מענש האט דאך גאר קיין אהנונג נישט וואס דעמאקראטיע באדייט".

און אט אויף אזא אופן האבען זיך די אייראפעאישע דיפלאמאטען דערוואוסט דעם אמת.

און עס מוז צוגעגעבען ווערען, אז כאטש די עליים האבען ביז איצט נישט געהאנדעלט גענוג דרייסט, האבען אויך געמאכט א סך טעותים, אבער זייער איצטיגס כאפען זיך אין צייט, וועט זיכער פיעל פארריכטען.

מען האט קודם כל געגעבען א קאפולער אנצוהערעניש דער אנטי אידישער צייטונג „סוריה אל'ג'נוביא", אז זי זאל אפשטעלען איהרע אנטי ציוניסטישע פילעריי. און פאר איהר ביז איצטיגער טעטיגקייט האט מען איהר באלוינט מיט פארמאכען זי אויף עטליכע טעג; נאכדעם האט מען פארבאטען צו מאכען דעמאנסטראציעס אין פאלעסטינא, וועלכע זיינען פון די אראבער געמאכט געווארען מיט'ן צוועק צו העצען קעגען אידען; דאן האט מען געבעטען דעם פרינץ פעיזאל אז ער זאל זיך נישט מאכען מעהר נאריש און זאל נישט פרובירען איבערצואנדערשען דעם פאריזער אפמאך בנוגע די גרעניצען פון אראביען און צו לעצט — די נייעס וואס עס איז געמעלדעט אין דעם מאנטאגדיגען נומער „וועג" אז מען האט זיך ענטזאגט צו אנערקענען איהם אלס קעניג פון סיריען.

ווי אזוי דעניקין קריגט העלפערס

געשריעבען פון לעאן טראצקי אין פעטראגראדער „איזוועסטיא"

(דער ארטיקעל פון באלשעוויסטישען קריגס מיניסטער שפייז ווארפט א ליכט אויף די מאכנא'ס גריגאריעוו'ס, די אטאמאנען — קעפשנידער, וועלכע מאכען חרוב אידישע שטעדט און קוילען אויס אידישע קהלות.

[illegible]

שעהנסטער „פרי מייסן" טעמפעל אין דער וועלט געפלאנט אין דעטראיט

איבערזעצט פון ד. ראוויטש

[illegible]

היימען פאר אידישע קינדער

אל. ניקראמאט
(א וואלונטיר)

היימען פאר די הילפלאזע ליידענדע אידישע קינדער אין אייראפא!

פאר די קליינע מארטירער, אין גרויסע [illegible]

פאלען זיי און פארשווינדען פון דער וועלט.

פארוואס איז די וועלט אזוי גרויזאם צו זיי? פארוואס ליידען זיי אזוי? פאר־

[illegible]

* גבעבארענער פאליטישען

טאטע־מאמע האבען געבראכען דעם קאפ און געקלעהרט וואס פאר א קאריערע אויסצוקלייבען פאר זייער בן יחיד. ענדליך האט זיך דער מאן אנגערופען:

— מיר וועלען אין פראנט רום איבערלאזען געלד, א חומש און בראנפען און פארשפארען דארטען אונזער יאנקעלען אויף א קורצער צייט. וועט ער געהמען דאס געלד, דאן מוז ער זיין א באנקיער, דעם חומש — וועט ער זיין א רב, און אויב דעם בראנפען — וועט ער חלילה זיין א שיכור.

ווען מען האט יאנקעלען פארשפארט אין צימער, האט ער קודם כל אויסגעטרונקען דעם בראנפען, דערנאך באהאלטען דאס געלד און ענדליך גענומען דעם חומש אונטער'ן ארם.

—איך וויים שוין! האט דער פאטער אויסגעשריען: יאנקעלע וועט זיין א פאליטישען: ער נעהמט אלעס וואס ער זעהט.

א קלוגער חתן

ברוך — אלזא, נעצעל, ביזטו שוין חתן געווארען. האסטו כאטש אזוי לאנג קלויבענדיג אויסגעקליבען א פיינע כלה?

נעצעל — אה, יעס, די כלה איז מיר זעהר געפעלען, זי איז פון באסטאן. און וועל שוין ווייטער אלע מאל נעהמען א כלה פון באסטאן.

אביסעל צוטראגען

קאסטאמער (ביים סאדע סטענד) — גיט מיר א גלעזעל סאדע וואסער.

סטענדקיפער — מיט וועלכען טראפ ווילט איהר?

קאסטאמער — גיט מיר אהן סירופ.

סטענדקיפער — אהן וועלכען?

א טעות

בעני: האסט געהערט די נייעס? [illegible]טער פאמפושקע וואס איז געלאפען פאר קאנגרעס אין אונזער דיסטריקט קראנק געווארען.

מעני: ווי אזוי? גאר אזוי פלוצלי[illegible]

בעני: ער האט על פי טעות א[illegible] אויסגעריבערט איינעם פון די סיגא[illegible] וואס ער פלעגט טיילען צו די וואטערס.

[illegible] הונדערטער דורכפיהרען די גרויסע א[illegible] נאכע.

זאל יעדער איינציגער פון אונז [illegible]לען אז אהן זיין מיטהילף וועלען אט שוואכע בלימעלאך פארוועלקען און טערגעהן!

קומט און טהוט אייער חוב פאר אידישע קליינע קינדער אין אייראפא. שליסט זיך אן אלס וואלונטיר!

ערקלעהרונג פונ'ם פארבאנד פון אוקראינער אידען צו אוק. לאנדסמאנשאפטען

די ספעציעלע קאנווענשאן פונ'ם פארבאנד פון אוקראינער אידען פון אמעריקא איז פאראיבער. אלע סכסוכים וואס האבען זיך געדרעהט ארום דעם פארבאנד און געשטערט די ארבייט, זיינען איצט פארשוואונדען. איצט איז געקומען די צייט פון טון ארבייט. עס איז סוף כל סוף קלאהר געווארען פאר די אוקראינער אידען אין אמעריקא אז דער פארבאנד מוז ווערען א שטארקע ארגאניזאציע און קאנצענטרירען ארום זיך אלע אוקראיניש־אידישע לאנדסמאנשאפטען וואס עקזיסטירען שוין און וואס וועלען שפעטער געגרינדעט ווערען.

עס איז איצט די צייט פאר אונז געקומען זיך צו פארטראכטען וועגען דער איצטיגער אונערטרעגליכער לאגע פון אונזערע קרובים אין אוקראינע. מיר מוזען סוף כל סוף קומען צו דער איבערצייגונג אז זאמלען געלד, האבען מיטינגען, אויסהערען קלאג רעדעס, מאכען אל מלא רחמים'ס און שפיעלען טראגעדיעס איז ניט דער וועג צו העלפען די, וואס נויטיגען זיך אזוי שטארק אין אונזער הילף.

עס איז געווען א צייט, ווען יעדער איינער האט געמיינט, אז ער וועט קענען אליין העלפען זיינע קרובים; עס איז געווען א צייט, וואס יעדער לאנדסמאנשאפט האט געגלויבט אז זיי וועלען אליין קענען לעזען דאס אומגליק פראבלעם פון איהר שטעדטעל. אט די צייט איז פאראיבער, עס איז קלאהר געווארען פאר יעדען און קיין יחיד אליין און קיין לאנדסמאנשאפט אליין קען גארניט אויפטאן קעגען דעם גרויסע אומגליק וואס איז געשעהן און וואס געשעהט יעדען טאג אין אוקראינע.

דאס וואס אינצעלנע מענשען קענען ניט דורכפיהרען, קענען אבער יא דורכפיהרען אלע אוקראינער אידען פון אמעריקא, ווען זיי פאראייניגען זיך. אט די פאראייניגונג דארף מיט זיך איצט פארשטעלען דער פארבאנד פון אוקראינער אידען פון אמעריקא.

עס מוז איינמאהל פאר אלע מאהל קלאהר ווערען פאר אלע אוקראינער אידען אין אמעריקא, וואס עס דארף אין דעם איצטיגען מאמענט געטאן ווערען. מיר מוזען אלע צוזאמען זיין פאראייניגט אין דער אויספיהרונג פון אונזערע פלענער, מיר מוזען אלע צוזאמען קלאהר ווי סען וואס מיר ווילען און, וואס מיר דארפען איצט טאן.

וואס ווילען מיר?

מיר ווילען מיט פאראייניגטע כחות שאפען די מעגליכקייט, אז טראץ די אונגעהויערע שוועריגקייטען, זאלען מיר דאך קענען ווי אם שנעלסטען און ווי'אם בעסטען העלפען די וואס נויטיגען זיך אזוי שטארק אין אונזער הילף.

דאס איז ניט נור דער הייסער וואונש פונ'ם פארבאנד נאר אויך דער דרינגענדער פארלאנג פון יעדען אוקראינער אידען, פון יעדער אוקראיניש־אידישער לאנדסמאנשאפט.

ניט נאר מוזען מיר אלע האבען דעם זעלבען וואונש, דעם זעלבען פארלאנג, נאר מיר מוזען אלע האבען דיזעלבע פלענער און נאר אזוי וועלען מיר זיי קענען דורכפיהרען.

וואס זיינען אונזערע פלענער?

אונזערע פלענער זיינען צוזאמענגעפאסט אין די רעזאלוציעס, וואס זיינען אנגענומען געווארען ביי אונזער קאנווענשאן אין פילאדעלפיא. מיר וועלען דא פארזוכען איבערצוגעבען דעם תמצית פון זיי.

וועגען אינפארמאציאנס-ארבייט:

איינע פון די הויפט אויפגאבען, וואס דער פארבאנד שטעלט זיך, איז די ארגאניזירונג פון א ברייטער אינפארמאציאנס־ארבייט פאר די אוקראינער אידען פון אמעריקא און פאר זייערע קרובים פון יענער זייט ים.

דאס מוז זיין דער ערשטער שריט, וואס דארף געמאכט ווערען אין דער הילפס־ארבייט. אזוי לאנג ווי יעדער יחיד צווייפעלט אין דעם, אויב זיין קרוב לעבט אדער ער איז געשטארבען, אזוילאנג וועט זיין הילף אויך זיין א צווייפעלהאפטע, בלויז א האלבע. א לעבעדיגער גרוס איז דער שטארקסטער סיגנאל פאר הילף. אלע אויפרופען און שרעקענס בילדער ווירקען ניט אזוי שטארק אויף דער מענשליכער פסיכאלאגיע; ווי א דירעקטער רוף נאך הילף: א גרוס פון דער היים.

אט די ארבייט קען געטאן ווערען פון די לאנדסמאנשאפטען נאר טיילווייז. דער שליח פון א געוויסער לאנדסמאנשאפט קען ברענגען ידיעות נאר פון דער שטאדט. וואוהין ער איז געשיקט ער קען וויסען דעם שיקזאל נאר פון די מענשען וואס ער טרעפט אין דער שטאדט.

דער מלחמה־וואולקאן האט אבער צעשמעטערט דעם באשטעהענדען ישוב; די פאגראם עקספלאזיאנען האבען אפט פארווארפען די מענשען פון דער אדער יענער שטאדט גאנץ ווייט — דא קען דער לאנדסמאנשאפט־שליח גארניט אויפטאן; זיינע כחות זיינען צו קליין. דאס איז אן ארבייט, וואס קען מיט פאראייניגטע כחות דורכגעפיהרט ווערען; דא פאנגט זיך אן דער ערשטער שריט פון דער ארבייט פונ'ם פארבאנד.

ביז די טויערען פון אוקראינע וועלען זיך עפענען, האט דערווייל דער פארבאנד באשלאסען צו עפענען ביוראס אין קאנסטאנטינאפעל, בודאפעסט, ווארשא און אין אנדערע אידישע צענטערען, אום מיט דער הילף פון די דארט־בעשטעהענדע ארגאניזאציעס דורכצופיהרען די לעזונג פון אט דער פראבלעם.

וועגען קאמישאנערס

די קאנווענשאן האט אנגענומען א רעזאלוציע צו שיקען זיעבען קאמישאנערס, די זיבען קאמישאנערס דארפען זיין די פארטרעטער פאר די זיעבען אוקראינער גובערניעס.

עס זאל דא קלאהר ווערען, אז מיר ווילען ניט פארשטעלען דעם וועג פאר קיינעם; די לאנדסמאנשאפטען וואס געפינען פאר נויטיג און האבען די מעגליכקייט צו שיקען אהין שלוחים, זאלען דאס טאן. נאטירליך דארף מען אכטונג געבען אויף דעם אז אין קליינע שכנות'דיגע שטעדטלאך זאלען ניט זיין קיין צופיל שלוחים און אין א גאנצער רייהע פון געטרענטע שטעדט זאל נישט זיין גארנים.

דער פארבאנד וויל ניט זיין דער בעל־הבית איבער די לאנדסמאנשאפטען, ער וויל נאר מיט די לאנדסמאנשאפטען צוזאמען זוכען צו פארשפארען אומזיסטיגע פארשווענדונגען אין געלד און ענערגיע; ער וויל מיט די לאנדסמאנשאפטען צוזאמען זוכען ארויסצובערגען פון יעדער האנדלונג, פון יעדער הוצאה אזוי פיעל נוצען וויפיעל עס איז נאר מעגליך.

די זיעבען שליחים פון פארבאנד האבען פיעל גרעסערע אויפגאבען פון די פארשידענע שליחים פון די לאנדסמאנשאפטען. דער שליח פון א לאנדסמאנשאפט קען אפשר באזארגען די עלעמענטארסטע ערשטע הילף; ער קען אפשר אריבערברענגען די ערשטע סומע געלד, וואס איז דא פון זיין לאנדסמאנשאפט געזאמעלט געווארען; ער קען אבער ניט טאן עפעס וועגען קאנסטרוקטיווער רעליעף; ער איז זיכער ניט אומשטאנד אויפצונעמען אזעלכע פראגען ווי די ווידעראויפבויאונג פון די חורבות; ער קען זיך ניט פארמעסטען אוועקצושטעלען די רואינירטע פאמיליען אויף א געזונדטען באזיס.

דער שליח פון דער לאנדסמאנשאפט קען אפשר ארויסהעלפען אבער ער קען בשום אופן ניט העלפען.

עס איז דעריבער זעלבסטפערשטענדליך, אז אזוי שטארק ווי די לאנדסמאנשאפטען זיינען פאראינטערעסירט אין דעם אפצושיקען זייערע שליחים אין זייערע שטעדט פונקט אזוי שטארק און אפשר נאכמעהר דארפען זיי זיין פאראינטערעסירט אין דעם, אז דער פארבאנד זאל אזוי שנעל ווי מעגליך קענען שיקען א שליח פאר יעדער גובערניע און, דאס מיינט, זיבען שליחים קיין אוקראינע.

עס איז אויך זעלבסטפערשטענדליך, אז אלע קאמישאנערס וואס געהען קיין אוקראינע, דארפען האבען די נויטיגע אינפארמאציעס און די נויטיגע קרעדענשעלס; זיי דארפען ארבייטען הארמאניש צוזאמען און ניט פאלען איינער דעם אנדערען אין וועג און זיך פלאנטערען פאר די פיס. דיזס קען נאר געמאכט ווערען דורך א סיסטעמאטישע ארגאניזירונג פון אלע קאמישאנערס, וואס זאלען נעהמען זייערע אינסטרוקציעס פון די זיבען קאמישאנערס פונ'ם פארבאנד.

עס איז קיין ספק ניט, אז יעדער לאנדסמאנשאפט וועט זיכער זארגען דערפאר, אז דער אוקראינער פארבאנד זאל קענען שיקען די פאסענדע שליחים אין דער פאסענדער צייט.

וועגען די ראיאנען קאנפערענצען און דעם דרייוו פאר געלד, קליידער שיך און מעדיקאמענטען.

די קאנווענשאן האט אנגענומען א באשלוס אנצופאנגען א גרויסען דרייוו פאר געלד, קליידער, שיך און מעדיקאמענטען.

עס איז איבעריג צו באטאנען ווי ווייט וויכטיג אזא דרייוו איז. די טויערען פון אוקראינע וועלען זיך באלד עפענען און מיר מוזען וואס שנעלער אנגרייטען הילף. מיר מוזען מיט אלע כחות פארזוכען צו ראטעווען אונזערע אומגליקליכע פון אונטערגאנג, יעדע מינוט הייסט קרבנות פון אונזער שוועסטער און ברידער און — אויב מיר וועלען איצט ניט טאן אונזער פליכט — וועט די פאראנטווארטליכקייט פון יעדען קרבן פאלען אויף אונזערע קעפ.

כדי אבער אויפצולעבען די טעטיגקייט פאר'ן אוקראינער רעליעף און כדי צו מאכען די בעפארשטעהענדע דרייוו פאר א גרויסען ערפאלג, איז עס אונבעדינגט נויטיג, אז קיינער פון די אוקראינער אידען זאל ניט אויסבלייבען און אלע זאלען ארבייטען נאך א באשטימטען פלאן. אום צו מאכען אט דעם פלאן קלאהר און פאפולער צווישען אלע אוקראינער אידען, האט דער פארבאנד באשלאסען צו רופען קאנפערענצען אין ניויארק און אין אלע גרעסערע שטעדט פון די יונייטעד סטייטס. ביי די קאנפערענצען וועלען אלע לאנדסמאנשאפטען האבען א געלעגענהייט אויסצושפרעכען זייערע מיינונגען און אויך אויסהערען דעם פאלשטענדיגען רעפארט וועגען די פלענער וואס זיינען אנגענומען געווארען ביי דער קאנווענשאן.

אין ניויארק וועלען די קאנפערענצען גערופען ווערען נאך גובערניעס; מיטוואך דעם 7־טען אפריל, וועט אין פארשיעדענע געגענדען פון ניויארק פארקומען א רייהע קאנפערענצען. עס ווערען גערופען פארטרעטער פון אלע שטעדט און שטעדטלאך פון א באשטימטער גובערניע אין א באשטימטען פלאץ. יעדער לאנדסמאנשאפט דארף שוין איצט וועהלען די פארטרעטער צו די קאנפערענצען. ווי געזאגט וועלען די קאנפערענצען פארקומען אין ניויארק דעם 7־טען אפריל. דער פלאץ וואוהין יעדע גובערניע דארף זיך פערזאמלען וועט פארעפענטליכט ווערען אין די צייטונגען. עס איז קיין אונטערשייד צו די לאנדסמאנשאפט געהערט שוין צום פארבאנד, אדער געהערט שוין צום פארבאנד, אדער גע־לען קומען צו די קאנפערענץ. עס זאל דא קלאהר פארשטאנען ווערען אז מיר ווילען אויף קיינעם גארניט ארויפצווינגען, מיר ווילען זיך נאר פארשטענדיגען און צוזאמען ארבייטען פאר דעם הייליגען צוועק. דאס קאמיטע פאר דער ארגאניזירונג פון די קאנפערענצען איז איבערצייגט אז קיין לאנדסמאנשאפט וועט זיך ניט צוריקהאלטען פון צו זיין פארטראטען ביי אט די קאנפערענצען. איהר זייט דערפאר אויפגעפאדערט אין נאמען פון הייליגען צוועק באלד, צו וועהלען פארטרעטער צו די קאנפערענצען. איהר מוזט אויך אכטונג געבען אין די צייטונגען אום צו וויסען וואו און אין וועלכע האלל איהר דארפט ערשיינען, זאל אייך ניט אויסמאכען אויב דער זאל איז אפשר אביסעל צו ווייט, זאל אייך קיין זאך ניט אפהאלטען, אין קאנפערענץ־זאל וועט איהר זיך טרעפען מיט אלע פארטרעטער פון די שטעטלאך פון אייער גובערניע. איהר וועט זיך קענען דורכרעדען און דאס וועט זיכער זיין פון גרויסען נוצען פאר דער אייער ארבייט.

אויסער די פארטרעטער פון יעדער עקזעקוטיווע פונ'ם פארבאנד וואס וועלען לייטען די קאנפערענצען וועלען אויך אנוועזענד זיין אנגעזעהענע רעדנער, וואס וועלען ערקלעהרען דעם איצטיגען צושטאנד און די פלענער, וואס עס דארפען אין דעם איצטיגען מאמענט געטאן ווערען.

עס איז די פליכט פון יעדען פון אייך צו אגיטירען פאר דער באטייליגונג אין די קאנפערענצען; דערצעהלט אייערע פריינד, אייערע באקאנטע און פאדערט זיי אויף אין נאמען פון די אומגליקליכע: זיי זאלען זיך באטייליגען אין די וואהלען פאר דעלעגאטען צו די קאנפערענצען.

די לאנדסמאנשאפטען, וואס וועלען דורך דער צייט קיין מיטינגען ניט האבען, וועלען קענען זיין פארטראטען דורך זייער פרעזידענט, סעקרעטאר און טרעזשורער.

אין דער פראווינץ וועלען די קאנפערענצען פארקומען דעם 14־טען, 17־טען און 18־טען אפריל.

וועגען די פינף פראצענט און דעם פערקעפיטא טעקס

די קאנווענשאן איז געקומען צום באשלוס, אז כדי דער פארבאנד זאל קענען דורכפיהרען די גרויסע אויפגאבען וואס ער האט זיך געשטאלט, מוז ער געשטעלט ווערן אויף א זיכער באזיס, עס מוז פארזיכערט ווערען זיין מאטריעלע עקזיסטענץ.

צוליעב דעם צוועק האט די קאנווענשאן אנגענומען א רעזאלוציע אז די הכנסות פונ'ם פארבאנד זאלען באשטעהן: ערשטענס, פון פראצענט פון די געזאמעלטע רעליעף־געלדער און צווייטענס, א פער קעפיטא טעקס פון פופציג סענט א יאהר.

דער פער קעפיטא טעקס

דער פער קעפיטא טעקס ווערט געצאהלט בלויז פון די לאנדסמאנשאפטען וואס האבען ניט קיין באשטעהענדע רעליעפס. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער פער קעפיטא טעקס פון פופציג סענט א יאהר איז נישט גענוג צו דעקען די הוצאות וואס פאדערען זיך אום דורכצופיהרען אזא אונגעהויער, גרויסע און שווערע ארבייט, ווי דער פארבאנד נעמט זיך פאר. דערפאר האט די קאנווענשאן בעשלאסען אויך די פינף פראצענט פון די געזאמעלטע געלדער.

די פינף פראצענט

מיר האבען שוין פריהער, רעדענדיג וועגען די שליחים פונ'ם פארבאנד, אנגעוויזען אויף דעם, ווי ווייט די לאנדסמאנשאפטען דארפען זיין פאראינטערעסירט, אין דעם, אז די שליחים פונ'ם פארבאנד זאלען אזוי שנעל ווי מעגליך אוועקגעשיקט ווערען. עס זאל דא אויך באמאנט ווערען, אז די שליחים וועלען אויסגעקליבען ווערען דורך א רעפערענדום און, דאס הייסט, אז דאס זענען ווידער אמאל די שליחים פון די לאנדסמאנשאפטען אליין. די שליחים וועלען אבער נישט קענען אוועקגעשיקט ווערען אויב די לאנדסמאנשאפטען וועלען זיך צוריקהאלטען מיט דער איינצאהלונג פון די פינף פראצענט. די קאנווענשאן איז ביי איהר באשלוס וועגען די פינף פראצענט פון דעם אמת'ן שטאנדפונקט אז יעדער לאנדסמאנשאפט איז זיכער פאראינטערעסירט אין דעם, אז דאס געלד וואס ווערט דא געזאמעלט זאל אזוי שנעל ווי מעגליך און אזוי גוט ווי מעגליך פארטיילט ווערען און ברענגען הילף די פאר וועלכע עס איז געזאמעלט. דערפאר איז די קאנווענשאן געווען זיכער אז קיין לאנדסמאנשאפט וועט זיך ניט אפזאגען אריינצושיקען אזוי שנעל ווי מעגליך די פינף פראצענט פון די געזאמעלטע געלדער.

אין דעם ביז־איצט געזאגטען איז ענטהאלטען דער תמצית פון די באשלוסען פון אונזער קאנווענשאן און דאס זענען אונזערע פלענער פאר דער ווייטערדיגער טעטיגקייט.

מיר אפעלירען צו יעדער אוקראיניש־אידישער לאנדסמאנשאפט, צו יעדער אוקראיניש־אידישער רעליעף סאסייעטי אונז צו העלפען דורכפיהרען אונזער ארבייט; קומט צו די קאנפערענצען, שליסט זיך אן אין דעם פארבאנד, שיקט איין אייערע פער קעפיטא טעקסעס און העלפט אונז דורכפיהרען אונזערע פלענער פאר דער טובה פון אונזערע אומגליקליכע פון יענער זייט ים.

פאר דעם אדמיניסטראציאנס־קאמיטעט פונ'ם פארבאנד פון אוקראינער אידען פון אמעריקא.

ד״ר יעקב גרינפעלד
עקטינג־סעקרעטער.

דריי ריכטער וועלען באטראכטען ד. י. אר׳ס פעטיציע פאר א מאנדאמוס

דריי ריכטער וועלען מיטוואך האבען א זיצונג, וואו עס וועט באטראכט ווערען די פעטיציע, וואס די די. יו. אר. האט אריינגעגעבען ארויסצוקריגען א מאנדאמוס, וועלכער זאל צווינגען מר. ווילקאקס, דעם שטאט לאיער, גוטצוהייסען איהר פארשלאג וועגען א 30 יעהריגען אפמאך מיט דעטראיט.

ריכטער קלייד וועבסטער וועט זיין פארזיצענדער. ער האט עס אויף זיין אייגענער איניציאטיווע פארגערופען די זיצונג, ווייל די פראגע איז פון גרויסער וויכטיגקייט, לויט זיין מיינונג.

ווי קען איך אנטוועהנען מיין בייבי?

דאס איז א וויכטיגע פראגע פאר יעדע מוטער וואס זייגט איהר בייבי. דער בעסטער וועג איז צו אנטוועהנען א בייבי לאנגזאם — מען דארף אנפאנגען פון זיבעטען מאנאט און געבען דער בייבי איינע אדער צוויי באטלס שפייז דורך'ן טאג, און אזוי שריטווייז פערגרעסערען די צאהל פון שפייז באטלס ביז דאס קינד געוועהנט זיך אב פון'ם זייגען די ברוסט.

Borden's
EAGLE BRAND
(CONDENSED MILK)

איז אזוי ענליך צו מוטער־מילך אין טעם און אין לייכטע פערדייאונג אז מען קען געבען אמאל ריינע מילך און אמאל ברוסט מילך און דאס אנטוועהנען וועט נאכהער זיין א גאנץ לייכטע זאך.

אונזער בייבי בוך וואס האט פיער־און־פופציג קיידזשעס, ערקלעהרט אייך דייטליך ווי צו אנטוועהנען אייער בייבי. אויך פולע שפייז אינסטרוקשאנס געשריבען אין אידיש. מיר וועלען אייך שיקען בידע זאכען פריי, אויב איהר וועט אונז שיקען היינט דעם קופאן.

איגעל ברענד, געמאכט פון העכסטע קוואליטי קוה־מילך און געמאלענעם צוקער, איז דאס בעסטע פיר'ן טיש און קאכען און באקען — קויפט זי קען היינט און געברויכט עס פיר אלע צוועקען פיר וועלכע איהר האט געברויכט געוועהנליכע מילך און צוקער. טרייעט עס אין קאפע.

צו בעקומען אין יעדען גוטען דראג אדער גראסערי סטאר
The Borden Company
108 HUDSON STREET
NEW YORK

דער לייבעל און נאמען איז אייער גאראנטי

עסטאבלירט 1857

Mrs. ....
Street ....
City ....
State ....
בייבי וועלפיער בוך
10

אנדערע בארדען פראדוקטען:
בארדען'ס מאלטעד מילך — בארדען'ס מילך טשאקאלאט
בארדען'ס קאנדענסד קאפע — בארדען'ס איוואפארייטעד מילך

דער זיכערסטער וועג צו
שיקען געלט
צו אייערע קרובים איז
— דורך דער —
פיפלס רעליעף
וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז
פאר פאסט קאסטען
490 הייסטינגס סטריט
געלט ווערט געשיקט אין אמעריקאנער דאלערס
קעדילאק 2061

גענוג ריידען. זעהט פאקטען.

מיר האבען היינט ארונטערגענומען א סטאק מיט פרישע מצה געפאקט ספעציעל פאר דעטראיט. די מצה איז איצט די בעסטע וואס דעטראיט האט ווען עס איז געהאט.

מיר האבען באשלאסען צו קאנקורירען נישט מיט דרעהדלעך אין מיט רייד, נאר מיט דער קוואליטי און פרייז פון אונזער מצה.

די קארלאדס מצה וואס איז יעצט אהער אנגעקומען, איז גאראנטירט פאר יעדען סטארקיפער אז זי איז געפאקט געווארען פאר דעטראיט און איז די בעסטע וואס ער האט ווען עס איז געהאט אין סטאק.

כשר אפילו פאר מדקדקים אין איבלי שמורה כדברי הרב הגאון ר' יוסף מאיר לעווין פון סינסינעטי.

סיימאן און ווייל
סינסינעטער מצות
אינזער הויפט סטאר איז
243 נאפאלעאן סט. — מעין דושי-3395

די בארימטע
ר'ב מאיר לאנדאן'ס
מצות
אין דעטראיט
50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד
קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות;
פערלאנגט פון גראסער בלויז
ר' מאיר לאנדאן'ס
מצות און האט הנאה פון פסח. אדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קיק מעהל און פארפעל.
גראסערי לייטע מאכט אייערע אדערס בעצייטענס
O. K. Grocery
478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
..ט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

מיטוואך, מארטש 24טער, 1920

שדוכים וואס דארפען פארבאטען ווערען

פון ב. י. ג—ן

עס זיינען פאראן געשעהנישען און פאסירונגען, וואס קומען באמת פאר אינ'ם לעבען, מען שרייבט וועגען זיי אין די צייטונגען. נאר ווען די לעזער לייענען וועגען די דאזיגע געשעהנישען, דוכט זיך זיי, אז אפשר האבען די צייטונגען מגזם געווען — „באלע וואס די גאזעטען שרייבען" — טראכטען זיך מן הסתם אזעלכע לעזער.

ווען מיר וועלען אצינד שרייבען מכח א פאאר פאלק וואס האט פאריגע וואך חתונה געהאט און דער חתן איז עלטער פון דער כלה מיט קארגע 70 יאהר, וועלען אפשר אייך די לעזער מיינען, אז אדער עס איז א דרוק פעהלער, אדער דאס איז א גוזמא; פארכאפען מיר דערום און לאזען וויסען דעם לעזער, אז אין די צאהל יאהרען איז קיין דרוק פעהלער נישטא און אז די פאסירונג איז אן אמת'ע, וואס איז פארגעקומען אין ברוקלין, נעבען ניו־יארק.

אין ברוקלין וואהנט א רייכער פאלעפאס מר. הושיעס הארווי הארד, וועלכער איז רייך געווארען פון זיין גאלד און צירהונג מסחר.

מר. הארד האט א סך הייזער אין ברוקלין.

איין קיין האט ער אויך אין גייטס עוועניו.

אין דעם הויז אויף גייטס עוועניו איז פאראן א בארבער שאפ און מעניקיורינג, וואו עס האט געארבייט ווייט די לעצטע צייט, א יונגע, 18 יעהריגע מיידעל מיט קעטהרין וואולף.

מר. הארד איז פון יענע באלעבאטים, וואס קומען אפט געוואירע ווערען צו זייערע שכנים. ער מוז נאר אפט א קוק טאן ווי אזוי זיין שכן היט אפ זיין „פראפערטי".

דער אלטער טראגט שוין אויף זיין פלייצע זעקס און אכציג ווינטערען און זומערען, פונדעסטוועגען האט ער נאך אפנים א גוטע ראיה און ווען ער האט ביים בארבער אין שאפ דערזעהן די מיס וואולף, איז זי אקהם באלד געפעלען געווארען.

נאר ער האט פונדעסטוועגען נישט געהאט מיט געניג באלד אנצוזיטען דעם מיידעל זי זאל איהם ערנסט נעהמען, ווייל עס האבען זיך צו איהר גע'שדכנ'ט א סך יונגע בחורים, נישט קיין שלעכטע פארדינערס.

עס זיינען פאראיבער א דריי חדשים און דער אלטער מר. הארד האט אנגעהויבען עפטער אריינצוקומען צום בארבער און סוף כל סוף זיך אנגעטאן א כח און א שמועס געטאן מיט'ן מיידעל וועגען „ליעבע".

— איך האב אייך ליעב מיס וואולף — האט דער אלטער איהר ערקלעהרט — און איך וואלט אייך גליקליך געמאכט, ווען איהר זאלט איינשטימען מיט מיר חתונה צו האבען.

די מיס וואולף איז אן ארים מיידעל, וואס וואהנט צוזאמען מיט איהר מוטער און א אינגערע שוועסטער אין א קליין ענג שטיבעל אין אירווינג עוועניו, רידזשוואוד, און מאכען א לעבען פון איהרע שכירות פון מעניקיורינג אינ'ם בארבער שאפ.

ביידע, די מוטער און די אינגערע שוועסטער, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט פון דעם אלטענס פארשלאג, זיינען צעשראקען געווארען און שטרענג דאגעגען געווען דער מיס וואולף, ווען זי האט ארויסגעזאגט א פאר ווערטער צו גענעמען דעם שידוך.

דער אלטער האט זי אבער פארפאלגט מיט זיינע „ליעבעס ערקלעהרונגען", איהר צוגעזאגט אלע גליקען און אזוי לאנג גערעדט איבער איהר, ביז זי האט איינגעשטימט, און דער הסכמה פון דער מוטער און שוועסטער.

ער האט איהר געבראכט א פינגערל פאר א טויזענד דאלאר, און דאס איז געווען דער סימן, אז מיידל מיט לעבען האט זיך פאר'קנס'ט.

דער אלטער האט די מציאה געהאנדעלט און טייער באצאהלט, ער האט איהר אפגעשריבען א רייכע ירושה און אויך א סך מזומן געלד איהר באלד געגעבען.

ער — זעקס און אכציג יאהר אלט, זי — נאך קיין פולע אכטצעהן יאהר נים אלט.

נים איהרע איגענע זיינען מסכים דערויף. און זיינע זיהן, טעכטער און אייניקלאך זיינען נישט נאר דאגעגען, נאר וועלען נאך פרובען — זאגען זיי — מבטל צו זיין די קידושין ליט'ן געזעץ; זיינע קינדער און אייניקלאך ווילען איהם ערקלעהרען פאר עובר בטל, וואס איז נים פאראנטווארטליך פאר זיינע מעשים.

נים קוקענדיג אבער אויף דעם אלטען, האט זיך פונדעסטוועגען געפונען א גייסטליכער וואס האט זיי מקדש געווען; נישט קוקענדיג אויף דעם אלטען, וועט עס פונדעסטוועגען געניג שווער זיין די דאזיגע קדושין צו מבטל זיין.

און אט אין דעם דארף מען זעהן די עילה: קיין גייסטליכער וואלט נים געטארט פאראייניגען אזא מין פאאר פאלק, ווייסענדיג פון פריהער, אז דאס מיידעל וועט ארויסקוקען אויף דער ירושה און אז יעקער טאג פון איהר נייפאלאפעסלעם לעבען וועט פאר איהר א גיהנום זיין.

עס וואלט אפילו דאס געזעץ בעדארפט זיין שטרענג צו אזעלכע אומגעלומפערטע חתונות, וואס גראבען אונטער נישט נאר די מאראל, נאר ווירקט אויך פאתפרעכעריש אויף די פאאר פאלקען, נישט איין מאל הערען מיר פון פארשיעדענע פארברעכענס וואס ווערען אפגעטאן צוליעב אזעלכע חתונות.

איז דען פאראן איין מענש וואס זאל נישט איינזעהן אז אזא מין פאר איינגונג איז פון דער לכתחילה אן א פארברעכען? איז דאך דאס פשוט'ער מענשען־האנדעל, איז דאך דאס א מין מסחר, וואס מוז אפגעשאפט ווערען, און וואס פריהער דיעזע שענדליכע מסחרים וועלען פארבאטען ווערען, דעסטא גלייכער וועט דאס זיין.

אינטעליגענטע

דראמא פון י. ל. מאלאמוט

(פאטזעצונג)

זיי האבען מ'ך אין מיטען רעה נאכט אן עלענדע, פארשטויסען און איך האב געוואנדערט איבער פינסטערע נאסען א היימלאזע, א שוצלאזע — זי איז אנשווינען געווארען — דאס איבריגע ווייסט איהר דאך און אויב ער א'ז גיט געוועזן אזוי פינסטער ווי איך האב זיך פארגעשטעלט האב איך אייך דאס צו פארדאנקען.

בלאך האט זיך אויפגעהויבען און זיך שטעלענדיג אונטער איהרע פלי'צעס, האט ער לייכט א פיהה געטאן מיט זיין האנד איבער איהרע האר.

— מען דארף נים פארצווייפלען, אניטא, איך האב דיך ק'ין זאך נים פארדעכטיגט! בעת דו ביסט דעם ערשטען אבענד אריינגעקומען צו מיר אין הויז. א טיעפע טראגעדיע האט זיך דאן איינגעשפיגעלט אין ד'ינע מעלאנכאלישע אויגען! דיין פנים איז געווען דער בעסטער עדות אויף דיין אונשולד. פערגעס דאס אלעס! פערגעס דאס! — האט ער זי בערוהיגט.

זי האט לאנג געשוויגען. זי האט זיך פון זיין גלעט א'בער איהרע האר דערפיהלט אזוי בערוהיגט און זי האט איהם אויך געוואלט בערוהיגען.

— מען דארף זיין שטארק און פרובירען פערגעסען, אזוי פיעל ווי עס איז מעגל'ך אזא זאך צו פערגעסען.

בלאך האט זיך געכאפט אז ער שטעהט שוין ביי א'ן א היבשע ווייל'ע, און ער האט נים געוואלט אז זיינע קינדער זאלען איהם אין עפעס פערדעכטיגען.

— עס איז אביסעל ליכטער געווארען אויפ'ן הארצען! — האט ער איהר א זאג געגעבען און איז ארויס.

דערנאך איז איהם קלאהר געווארען אז אניטא איז צו איהם גאנץ פריינדליך און ער האט אנגעהויבען קלעהרען אז עס וואלט טאקי פיל'יכט געווען נים קרום, אז אניטא זאל צושטימען און חתונה'ן מיט איהם און ער איז אוועק צו די הורוויץ'ס.

— אויב זי זאל נור איינשטימען! — האט הורוויץ א'הם געענטפערט.

— זי דארף! — האט אידא געשמייכעלט. — שוין צוליעב דאס קינד אליין, א קינד מוז האבען א פאטער! — האט אידא צוגעלעגט און האט אליין אנגעהויבען דערצעהלען פאר בלאך'ן ווי און וואס עס האט געבראכט, אז זי זאל הורוויץ'ן הייראטען.

— דאס קינד! — האט זי א זאג געגעבען.

— דאס קינד ווען זי איז אלט געווארען פיער יאהר, האט זי מיך שרעקליך פערמאטערט. די קליינע האט מיין לעבען צעריסען. יעדען פר'המארגען און אבענד האט זי מיר אזעלכע מארנע פראגעס געשטעלט. איהר קינדעריש הארץ האט דערכגעלעבט א טיעפע טראגעדיע.

— א פאפא! פלעגט זי תמיד שרייען און ווייגען — זי וו'ל א פאפא! נו, איך דארף אייך נים דערצעהלען אז איך בין צו פריעדען און רבקה אויך — האט אידא געענדיגט.

— וואס זשע האט איהר מיך? — האט ער ביי זיין אוועקגעהן נאך אמאל איבערגעפרעגט.

— געהט אהיים און רעדט זיך דורך מיט איהר און אויב זי איז א געטרייע מוטער איהר קינד און א קלוגע דערציהערין וועט זי איינוויליגען — האט אידא איהם געראטען.

— זי איז זעהר א געטרייע מוטער און האט אויך א געזונטען קאפ אויף זיך! — האט בלאך געענטפערט.

און דעם זעלבען אויף דער נאכט האט ער זיך דורכגערעדט מיט מישא'ן און מלכה'לען.

מישא און מלכה'לע זענען געזעסען אייגער לעבען דעם צווי'טען און האבען געמאכט פלענער, ווי אזוי זיי וועלען איינארדנען זייער נייע היים.

זי' האבען גערומען א וואהנונג אין זעלבען הויז, וואו דער פאטער האט געוואוינט, מיט, איין שטאק העכער און דעם דאזיגען טאג, האבען זיך די קינדער געפיהלט אזוי גליקליך, דאס נייע מעבעל א'ז שוין געווען אריינגעפיהרט און אניטא איז מיט זיי געווען דארט און זיי געהאלפען איינצושטעלען אלעס אויף דעם ריכטיגען פלאץ.

— קינדער! — האט בלאך צו זיי ביידען א זאג געגעבען — א'הר זאלט פון מיר נים לאכען, איך וויל ביי אייך עפיס פרעגען.

די קינדער האבען זיך דורכגעקוקט און האבען נים פארשטאנען וואס קען דער פאפא ביי זיי פרעגען.

— אניטא געפעהלט אייך?

מישא און מלכה'לע האבען זיך דורכגעקוקט. מלכה'לע האט זיך אנגעהויבען אנשטויסען און זי האט זיך אנגעבויגען צום פאטער און האט איהם א קוש געטאן אין שטערען.

— יא פאפא, טו דאס, זי א'ז זעהר א ליעבינקע, טו דאס פאפא!

— וואס דענקסטו מישא? — האט ער אויך מישא'ן נאך אמאל א פרעג געטאן.

— זעהר אן אינטעליגענטע פרוי, איהר כאראקטער איז א זעלטנהייט.

— זיצט ביז א'ך וועל ארויסקומען!

— האט בלאך א זאג געגעבען צו די קינדער און אליין איז ער ארין זיך דורכרעדען מיט אניטא'ן.

— איך בין געקומען מיט דיר ז'ך אביסעל דורכשמועסען, אניטא!

אניטא האט אנגעשטעלט אויף איהם איהרע גרויסע אויגען.

— זעצט אייך און לאמיר הערען אויב גוטעס.

— ד' קינדער געהען די טעג חתונה האבען — האט בלאך אנגעהויבען — דאס ווייסטו דאך שוין געווים — ער האט זיך אליין אפגעהאקט.

— יא דאס ווייס איך, איך האב זיי שוין היינט געהאלפען אוועקשטעלען ז'יער מעבעל — האט אניטא איהם געענטפערט.

(פארטזעצונג פאלגט)

לענדלארדס

אויפמעקזאם!

פארלאנגט הייזער- צו פארקויפען, ליסען, אדער רענטע פאר ווייסע און ניגארס

הערים און לואים

481 אנטוויין סטריט

טעל. טשערי 8054

פריש ווי פון
אויווען ארויס

מאנישעוויטץ
מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

די איינציגע מצה, וועלכע איז פארזיגעלט אין שנאורקע קארטאנס (באקסעס) און געשיצט פון שטויב, פייכטקייט און לזנט בלייבט אימער פריש, קריכלע און בע'טעמ'ט.

Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
etroit Office 255 Napoleon St.

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאני
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

וואס איז
אמעריקא'ס
גרעסטע
בעדערפעניש—

Leonard Wood

אין דיעזע טעג פון
איבער־בעדערפענישען?

א מעכטיגער אדמיניסטראטאר!

א ודער שפיצע פון דער נאציאן, דעם שטארקסטען מענשען, וואס מיקען האבען.

אזעלכער, וועלכער וועט זיך נעהמען און העלפען די שטארקסטע מענשען, וועלכע ער וועט קענען קריגען, וועט זיי געבען דעם נויטיגען אויטאריטעט, וועט זיי שטיצען און וועט זיי אפען געבען זייער פולען טהייל פון קרעדיט פאר זייער ארבייט.

אזעלכער וואס וועט אונז פיהרען פארווערטס צו יענער פאזיציאן פון וועלט זיכערהייט און פראספעריטי, וועלכע וועט ווערטה זיין דעם פרייזען, פאר וועלכען מיר האבען באצאהלט פאראוים מיט דער בלוט און פארמעגען פון דער מלחמה.

לעאנארד וואוד

איז אהן פארגלייך דער שטארקסטער מאן וועלכע די רייהען פון אמעריקאנער שלאגען פאר פאר'ן פרעזידענטשאפט — ביי כאראקטער — ביי איבונג — ביי געלעגענהייט — און ביי אויספיהרונג פעהיגקייט.

דיזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט געווארען פון דער לעאנארד וואוד ליעג פון מישיגאן.

פ. מ. אלגער, פרעזידענט — וואלטער ס. פייפער, וויים פרעז. — ס. א. ווייזערס, סעקר. און טרעזשורער.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

The only Jewish Paper Printed in Michigan

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 179 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. — DETROIT, MICH., Thursday, March 25th 1920 Vol. 2, No 37 — דאנערשטאג, מארטש 25, 1920

דייטשער מיניסטעריען קאבינעט האט רעזיגנירט

16,000 אנטי-באלשעוויקעס פאר־פראהרען צום טויט אין די סטעפעס

לאנדאן, מארטש 24. — א דראטלאזע טעלעגראמע פון מאסקווא גיט איבער, דאס 16,000 סאלדאטען פון דער אנטי באל־שעוויסטישער ארמיי זענען געפונען געווארען אין די סטעפעס פארפראהרען צום טויט.

די סטעפעס נעהמען ארום די עבענעס פון דרום־מזרח'ישען רוסלאנד און דעם מערב טייל פון די אזיאטישע פראווינצען.

כינא ציהט צוריק איהר ארמיי פון סיביר

פעקין, מארטש 24. — די רעגירונג האט באפוילען דאס צוריקציהען פון אלע כינעזישע טרופען פון סיביר. דאס ווערט אנגענומען אלס באווייז, דאס כינא איז אין איינקלאנג מיט די עלייעס, בנוגע רוסלאנד. דיזער באשלוס ווערט אויך באטראכט, אלס א צוריקווייזונג פון דעם מיליטערישען כינעזיש־יאפאנעזישען אפמאך.

ערשטע שיף קיין סאוועטען־רוסלאנד געהט אפ 27טען מארטש

קאפענהאגען, מארטש 24. — די ערשטע שיף מיט דענישע פראדוקטען פאר סאוועטען־רוסלאנד פאהרט אפ פון דאנען דעם קומענדען 27־טען מארטש.

שיסט זיין זוהן אום צו ראטעווען זיין זינדיגע נשמה

שיקאגא, מארטש 24. — פרענק פינאנא, האט היינט אריינגעשאסען דריי קוילען אין קערפער פון זיין 18 יאהריגען זוהן, ווייל ער, דער טאטע, האט געהאלטען, אז עס איז זיין פליכט צו ראטעווען זיין זוהנ'ס זינדיגע נשמה. דער געשאסענער באי ליגט יעצט אין האספיטאל און זיין לאגע איז זעהר קריטיש.

די זינד פון דעם געשאסענעם באי איז באשטאנען אין דעם וואס ער האט בשום אופן ניט געוואלט געהן אין קלויסטער. וויפיעל פאפאשא האט איהם ניט געשלאגען און אריינגעטענה'ט, סיי מיט גוטען סיי מיט בייזען — עס האט ניט געהאלפען.

איך האב איהם געשאסען האט „פאפאשא" ערקלערט, „ווייל איך האב געוואלט ראטעווען זיין נשמה, וועלכע איז געזונקען אין זינד... איך האב געטראכט: טיידזשי' סיי וועט דאך שוין פון איהם קיין לייט ניט זיין, און איידער די פאליציי זאל איהם שיסען, וועל איך עס בעסער אליין טאן...

„טאג איין טאג אויס — האט דער פרומער פינאנא פארגעזעצט —— האב איך געהאלטען מיט איהם אין איין טענה'ן: „פארוואס געהסטו ניט אין קלויסטער?" איך האב שוין געפרואווט אלע מיטלען, מיט גוטען און מיט בייזען —— ס'האט ניט געהאלפען. ער איז שטענדיג געווען פארנומען מיט זיין „גענג" און איך האב געזעהן, אז קיין לייט וועט שוין פון איהם ניט זיין".

אויסהערענדיג די דאזיגע מעשה, איז דער פראסעקיוטינג אטארני גערירט געווארען ביז טרעהרען און האט אויס גרויס רחמנות צום באיקאטירטען קלויסטער דעם פרומען טאטען געשטעלט דעם טאטען אונטער א קלאגע פון מארד.

—:::—

פארדעכטיגע רויבער פון מיילס טעאטער ארעסטירט אין שיקאגא

אטא סטעפאנסקי, אדער ווי ער רופט זיך דא סטיפענס, און הערי גרינבערג וועלכער רופט זיך אויך מיט'ן נאמען מילער, זיינען דינסטאג ארעסטירט געווארען אין שיקאגא, אויף דער קלאגע, אז זיי האבען בארויבט דעם היגען מיילס טעאטער, דעם 9־טען מארטש אויף דער סומע פון $5,847.73.

איב ראזענבערג, וועלכער איז — ווי דער לעזער וועט געפינען אויף אן אנדער פלאץ פון דיזער פײדזש, פארמשפט געווארען אויף צוויי יאהר פעניטענשערי ווערט געהאלטען אלס דער דריטער פון דער גענג אין דער מיילס־טעאטער רויבעריי.

מיס דזשין, די מיידעל־קלערק אויף וועמען דער „האלד אפ" אין מיילס טעאטער איז געמאכט געווארען, האט דערקענט גרינבערגס פאטאגראפיע, אלס פון די באנדיטען.

דאנערשטאג וועלען די תכשיטים זיין אין דעטראיט און מיט דיזען מיט נאך איניגע עדות וועלען קומען זיי אנקוקען.

גרינבערג און סטעפאנסקי זיינען געקומען אהער פון שיקאגא מיט צוויי מאנאטען צוריק. זיי זיינען געשטאנען אין צוויי באזונדערע צימערען אין דאון טאון געגענד. קיין איינער פון זיי האט די גאנצע צייט ניט געארבייט.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

אונזער מיטארבייטער ב. ראוויטש האט לעצטען זונטאג דאס ערשטע מאל ביי־געוואהנט א מיטינג פון דער היברו האספיטאל אסס'ן. ער האט זיינע איינדריקע איבערגעגעבען אין אן ארטיקעל וואס וועט ערשיינען אין מארגענדיגען „וועג". דאס איז אן אינטערעסאנטער ארטיקעל, אריגינעל און וואס אנגעשריבען. די שונאים פון היאסטינגס סט. זאלען דעם ארטיקעל זיך ניט דערוועגען לעזען, ווייל עס וועט זיי ניט שמעקען מר. ראוויטש'ס שארפע ווערטער.

ווען איהר ווילט זיך באקענען מיט דער גייבערי, קיום און די מיינונג פון דער ענגלישער פרעסע וועגען דעם — לייענט אין מארגענדיגען „וועג" דאס ארטיקעל פון אונזער מיטארבייטער ז. ר.

די אלע וואס האבען געפרעגט ביי אונזער לעגאל אדווייזער פארשידענע פראגען, זאלען מארגען לייענען דיא תשובות אונטערן נאמען „דינים ומשפטים".

א יונג דעטראיט'ער ווייבעל האט זיך באקלאגט פאר א היגען ריכטער אז איהר מאן האט זי אפגענארט. דער ריכטער האט זי אויסגעלאכט. — ווארום? — לייענט וועגען דעם מארגענדיגען עדיטאריעל פון ב. י. ג—ן אויף דער לעצטער זייט.

פיעלע אנדערע אינטערעסאנטע לעזע שטאף.

ברוקס נעמט אן קאזענס איינלאדונג צו א דעבאטע

Public Library 42nd and 5th Ave.

דער [...] דער די יו. אר. מר. [...] ברוקס, האט איינגעוויליגט אנצונעהמען די איינלאדונג פון מעיאר קאזענס צו אן עפענטליכער דעבאטע, ער האט אבער ערקלערט, אז די דעבאטע וועט ניט קענען זיין מינדליך, מחמת ער לײדט לעצטענס אויף האלז־טראבעל. ער וויל אז די דעבאטע זאל געפיהרט ווערען דורך די טעגליכע צייטונגען.

„מר. קאזענס ווייס —— האט ער געזאגט —— אזוי גוט ווי יעדער איינער, אז איך האב לעצטענס שרעקליכע האלז־טראבעל און איך וועל מוזען דורכגעהן אן אפעראציע. וועט עס דארום זיין אוממעגליך פאר מיר צו רעדען עפענטליך. אויב דער מעיאר וועט איינוויליגען צו פיהרען א דיסקוסיאן דורך די צייטונגען, אזוי, אז יעדער בירגער זאל האבען א געלעגענהייט אויסצוהערען ביידע צדדים, וועל איך מיט צופרידענהייט אננעהמען דעם טשאלענדזש. איך וויל אבער שטעלען א באדינגונג, אז די „ניוס" מוז געבען פלאץ פאר דער דיסקוסיאן אזוי גוט ווי אלע אנדערע צייטונגען", האט מר. ברוקס ערקלעהרט.

פרויען קאמפיין קאמיטע קריטיקירט קאזענס פלאן

די „וואמענס קאמפיין קאמיטע", האט לעצטען דינסטאג ארויסגעגעבען א סטייטמענט, אז דעם מעיארס קאר־פלאן איז דורכגעפיהרט געווארען פונ'ם קאמאן קאונסיל אהן דער מינדעסטער איבערלעגונג, מען האט ניט גענומען אין אנבאטראכט דעם ווילען פון די בירגער.

„געוועהנליך פיהרט זיך — ווערט געזאגט אינ'ם סטייטמענט — אז ווען עפענטליכע אנגעלעגענהייטען ווערען דיסקוטירט, גיט מען אויך דאס פובליקום א געלעגענהייט אויסצודריקען א מיינונג. אבער אין דעם פאל איז עס ניט געטאן געווארען. מען האט זיך ניט אנגעפרעגט ביי די איינוואוינער פון אזעלכע גאסען ווי קלעירמאנט, אוען, קאדילאק און פענסילווייניא, צו ווילען זיי אין זייערע גאסען האבען קארליניען אדער ניט. ווען דער פלאן זאל דורכגעפיהרט ווערען אזוי ווי ער איז, וועט דערנאך זיין צו שפעט פאר די בירגער פון דיזע גאסען צו פראטעסטירען, ווייל דאס וועט בלויז קענען געענדערט ווערען דורך א צווייטער עלעקשאן".

מעיאר קאזענס האט ווידער א מאל אנטזאגט אנצונעהמען דעם פארשלאג פון דער „וואמענס קאמפיין קאמיטע", אז ער זאל ארויס אויף א דיסקוסיאן מיט דעם לאיער עליאט ג. סטיווענזאן, פון דער קאר קאמפאניע. ער האט — זאגט ער — מיט דער קאמפאניעס לאיערס ניט וואס צו ריידען, ווייל זיי זיינען ניט פאראנטווארטליך.

„קרבנות" פון „פעשאן שאו" באפאלען פראסעקיוטארס אפיס

דריי מאדעלס פון דער באנקראטירטער פעשאן „גאבאל", וועלכע האט ווי נעבעך געמעלדעט — זיך אויפגעלעזט נאך א צוויי טאגיגען שפיעל אין די ארינא טעאטער פאר לײדיגע בענקלאך — זיינען געבעטען געווארען אין פראסעקיוטינג אטארנים אפיס און געבעטען ער זאל עפעס טאן פאר זיי, אום זיי זאלען קענען וואס שנעלער קריגען אויף הוצאות קיין נויארק.

— באצאהלט אייער רענט? — האט דער אסיסטענט אטארני געפרעגט.

— מיר האבען ניט פון וואנען איז געקומען א טריא פון מיידעלשטימען.

— א, דאס איז שרעקליך — האט איינע געזונגען א „סאלא" — מיר האבען בעסער געדארפט פארקויפען אונזער באהן־טיקעטס, וואלטען מיר באטש געהאט א פאר סענט.

— די לאגע איז איצט אזעלכע [...]

האט זיך אפגערופען א צווייטע מיט א זיסע שטימע — דער האטעל וויל ניט ארויסגעבען אונזערע טראנקס און וואס לענגער מיר'ן שטעהן אין שטאדט, אלס מעהר וועלען שטייגען אונזערע חובות. אי וואס וועלען מיר טאן?

— דער אסיסטענט אטארני איז געבאך געווען שטארק גערירט פון דער סצענע, אבער העלפען האט ער זיי געקענט בלויז מיט א קרעכץ.

— אין דער זעלבער צייט זיינען ארײן צוויי פארשטעהער פון היגע פירמען מיט „ריטס און אטאטשמענטס" געגען דער באנקראטירטער קאמפאניע, אבער זיי האבען גאר ניט אויסגעפיהרט. „וואטס יוז" האט דער ביליף אטא קלארנאוסקי געזאגט, און האט דערביי געמאכט א זשעסט ווי איינער וואלט געזאגט: „ס'איז גוט ביי איינעם צו נעהמ[...]

פאש קריגט ניט קיין ערלויבעניש צושיקען אן ארמיי קיין דייטשלאנד אין רוהר־געגענד געגען ספארטאקאנער

בערלין, מארטש 24. — די רעזיגנאציע פון דעם דייטשען מיניסטעריען קאבינעט אין היינט איבערגעגעבען געווארען עבערט'ען דורך דעם קאנצלער בויער. ס'ווערט ערווארטעט, דאס עבערט זאל בעטען בויער'ן צו פארמירען א נייעם קאבינעט, וועמענס נעמען זאלען קענען מארגען צוגעשטעלט ווערען צו דער נאציאנאלער פארזאמלונג. די ארבייטער וועלען האבען אין נייעם קאבינעט א גרויסע פארטרעטערשאפט. דאס נייע מיניסטעריום וועט עקזיסטירען ביז די קומענדע וואהלען, וועלכע וועלען פארקומען אין יוני מאנאט. די רעגירונגס פיהרער זענען געגען די פארדערונגען פון די ארבייטער, דאס די נייע רעגירונג זאל באשטעהן דורכאויס פון סאציאליסטען.

פראנקרייך האט ניט קיין קוילען צוליעב דייטשע אומרוהען

פאריז, מארטש 24. — פראנקרייך איז אהן קוילען און זי געפינט זיך אין א סכנה'דיגער לאגע, האט ערקלערט א באאמטער פון אויסערן מיניסטעריום. פראנקרייך האט געהאפט צו באקומען קוילען פון דעם דייטשען רוהר־דיסטריקט, וועלכער איז איצט, צוליעב די ספארטאקאנישע אויפשטאנדען אפגעריסען געווארען פון פראנקרייך.

מארשאל פאש בעט ערלויבעניש צו שיקען 80 טויזענד סאלדאטען אין דייטשלאנד.

פאריז, מארטש 24. — מארשאל פאש האט געבעטען דעם אמבאסאדארען־ראט פאר אן ערלויבעניש צו שיקען 80 טויזענט אליאירטע סאלדאטען אין דעם רוהר־דיסטריקט פון דייטשלאנד (וואו די ספארטאקאנער האבען פארכאפט די מאכט). דיזע ידיעה קומט פון א זיכערע קוועלע.

מר. וועלייס, דער אמעריקאנער אמבאסאדאר, ווערט איבערגעגעבען, האט זיך געגען געשטעלט דיזע פאדערונג, דער ענגלישער אמבאסאדאר, ווערט געזאגט שטיצט אונטער פאש'ען.

נאכדעם ווי ס'האט זיך אנטוויקעלט א שטארקע געגנערשאפט צו פאש'ס פארלאנג, האט פראנקרייך'ס מיליטערישער פארשטעהער געבעטען, דאס מ'זאל שיקען אין דער דייטשען רוהר־דיסטריקט 50,000 סאלדאטען, דאס איז איהם אויך אנטזאגט געווארען.

דער אמבאסאדארען־ראט האט אבער באשלאסען, דאס פראנצויזישע סאלדאטען זאלען פארנעהמען פראנקפורט, סיידלען דער ספארטאקאנער מעיאר פון עסען וועט דורכקומען מיט דער עבערט־רעגירונג.

פאריז, מארטש 24. — ס'ווערט דא איבערגעגעבען, דאס דער העכסטער ראט פון די אליאירטע רעגירונגען וועט ערלויבען עבערטס רעגירונג צו שיקען זיינע טרופען אין דעם רוהר־דיסטריקט איינצושטעלען דארטען ארדנונג. עבערט וועט אבער מוזען פריהער געבען גאראנטיעס, דאס ער וועט דערנאך ארויסציהען זיינע טרופען פון דעם דאזיגען געגענד.

לאנדאן, מארטש 24. — א דעפעש פון ביעלעפעלד, וועסטפאליע, מעלדעט דאס צווישען די ספארטאקאנער און דער רעגירונג איז אין רוהר־געגענד געשלאסען געווארען א וואפענשטילשטאנד אויף 48 שטונדען. דער באריכט דערצעהלט, דאס דיזער וואפענשטילשטאנד איז פארהאנדעלט געווארען אויף א קאנפערענץ פון פארשטעהער פון דער רעגירונג און די ספארטאקאנער.

ראטערדאם, מארטש 24. — די באדינגונגען, וואס הערשען אין די רייניש פראווינצען, וואו כמעט יעדע שטאדט געפינט זיך אין די הענט פון די ספארטאקאנער, שטעלען מיט זיך פאר דאס, וואס ס'האט פאסירט אין רוסלאנד, ווען די באלשעוויקעס האבען דארט פארכאפט די רעגירונגס מאכט.

דער קארעספאנדענט פון דער „ראטערדאמשע קוראנט" טעלעגראפירט פון עסען אין דארטמונד דאס גלייך, ווי די סאוועטען רעפובליק איז דארטען פראקלאמירט געווארען זענען אלע טורמעס אויפגעעפענט געווארען און די רייכע קלאסען זענען אויפגעפאדערט געווארען אפצוגעבען זייער'ע וואפען.

דער קארעספאנדענט גיט איבער, דאס די שווערסטע פראבלעם, וואס די ספארטאקאנער האבען פאר זיך, איז די פראגע פון שפייזען די באפעלקערונג. לויט זיין מיינונג וועט דיזע פראבלעם צווינגען די קאמוניסטען צו מאכען א קאמפראמיס מיט דער עבערט־רעגירונג.

ווי די ספארטאקאנער אליין גיבען צו, האבען זיי שפייז נאר אויף צוויי וואכען און אז דער זאפאס פון קארטאפעל איז מעהר ניט, ווי אויף 2 טעג.

די סאוועטען־מאכט האט אנגענומען די שטרענגסטע מיטלען געגען רויבערייען, דערציעהלט דער קארעספאנדענט.

אנדערע צייטונגען און דער באריכט פון דער וואלקיריעא מעלדען, דאס די סאוועטען שטעדט געפינען זיך אונטער א צענזור. ס'ווערט ניט ערלויבט צו פארקויפען קיינע אלקאהאלישע געטראנקען און ס'איז פארבאטען צו זיין אויף די גאסען פון 10 אזייגער אין אווענט ביז 5 פריה־מארגענס.

ריזע באריכטען גיבען איבער, דאס די געהעהייטס־סאציאליסטען האבען פארלארען זייער גאנצען איינפלוס.

פאן לוטוויטש ארעסטירט צוזאמען מיט אדמיראל טראטא.

בערלין, מארטש 24. — ס'ווערט אפיציעל באריכטעט, דאס גענעראל פאן לוטוויטש, דער מיליטערישער קאמאנדיר פון קאפ'ס יונקערישער איבערקערונג, איז ארעסטירט געווארען. ס'איז אויך ארעסטירט געווארען אדמיראל פאן ט ר א ט א, דער הויפט פון דער אדמיראליטעט. ס'זענען ניטא קיין שום קלאהרע באשטימטע ידיעות וועגען דעם פלאן, וואו פאן קאפ באהאלט זיך איצט. מ'דענקט, דאס ער געפינט זיך ערגעץ וואו אין איסט־פרייסען.

פיעל פון די אנפיהרער פון קאפ'ס קאנטר־רעוואלוציע, געגען וועמען ס'איז פאראורדענט געווארען א משפט, זענען נעלם געווארען. צווישען די דאזיגע געפינט זיך דר. קאפ אליין, פאן יאגאוו, מאיאר פאבסט קאפיטאן בייער, דר. שיעלע און הער ב־רערעק.

אונאפהענגיגע סאציאליסטען ווערען ערווארטעט צוזאמען צושטעלען דעם מיניסטעריען קאבינעט.

קאפענהאגען, מארטש 24. — א טעלעגראמע פון בערלין גיט איבער, אז דאס פארמירען פון א נייעם דייטשען קאבינעט איז א פראגע פון איניגע שטונדען, און אז די אונאפהענגיגע סאציאליסטען ווערען פארנעהמען אין נייעם קאבינעט די וויכטיגסטע פארטפעלען.

לאנדאן, מארטש 24. — אין דעם אפמאך, וואס די רעגירונג האט געשלאסען מיט די פיהרער פון די יוניאנס וועגען צוריקרופען דעם גענעראל סטרייק, האבען די מעהרהייט סאציאליסטען צוגעזאגט אריינצושטעלען אין זייער פראגראם די פאדערונגען פון די ארבייטער־ארגאניזאציעס. דיזע ידיעה ווערט איבערגעגעבען בערלין צו דער „עקסטשיינדזש טעלעגראף".

די עבערט רעגירונג, ווי מ'זאגט, האט זיך ארויסגעזאגט צו זיין ווילינג ארויסצוציהען איהרע סאלדאטען פון בערלין און אראפצונעהמען זאפארט דעם קריגס־צושטאנד, אויסער דעם, נעהמט זיך די רעגירונג אונטער ניט צו אטאקירען ארבייטער, ספעציעל די דאזיגע פון דעם רוהר־געגענד און צו פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט די יוניאנס, בנוגע דאס אריינטרעטען פון ארבייטער אין פארטיידיגונגס קארפוסען.

ביטערע, אומרחמנות'דיגער קאמף אין עסען.

קאבלענץ, מארטש 24. — די באריכטען פון געבטע וויזען אן, דאס שלאכטען זענען פארגעקומען אין גאטא און טורינגיע. א דייטשער באאמטער, וועלכער איז ארויסגעטריבען געווארען פון עסען און געפינט זיך איצט דא, גיט איבער, דאס די ספארטאקאנער זענען גוט באוואפענט און אויסגעריכט, און אז קיינער פון די קעמפענדע צדדים, ווייזט ארויס אויך נענד וועלכע רחמנות־געפיהלען. דיזער באאמטער איז זעהר פעסימיסטיש איבער דער לאגע אין וועזעל, וואו די רעגירונגס טרופען ווערען צושלאגען פון די ארבייטער און, ער דענקט, דאס דיזע טרופען וועלען מוזען אריבערגעהען אין דער טעריטאריע וואס איז פארנומען פון די עלייעס.

דעטראיטער דאקטאר ארעסטירט אלס הענדלער פון שעדליכע דראגס

דר. דזשי. ב. האמילטאן, וועלכער האט זיין אפיס אין 618 דזשיימס וואטני בילדינג און פיער אנדערע מענער, זיינען נעכטען אין דער פריה ארעסטירט געווארען אויף דער באשולדיגונג, אז זיי האבען געפיהרט אן אפיום האנדעל אויף אן אומגעהייער גרויסען מאסשטאב.

די נעמען פון די אנדערע פיער, וועלכע ווערען באשולדיגט אז זיי זיינען געווען דעם דאקטארס אגענטען, זיינען: דזשיימס מעקריינאלדס, טשארלס מעקריינאלדס, דזשיימס שאנאן און הערי מור.

דער דאזיגער ארעסט איז געמאכט געווארען נאכדעם ווי א שיקאגא'ר דיקטאגראף־עקספערט, וועלכער איז געשיקט געווארען קיין דעטראיט ספעציעל פאר דיעזען צוועק, ווייל די דארטיגע פאליציי האט שוין געהאט א פארדאכט אויף דר. האמילטאן, האט א גאנצע נאכט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו די געשפרעכען, וואס דער דר. האט געפיהרט מיט זיינע אגענטען, אין זיין אפארטמענט, 63 קאלאמביא סט. וועסט. דער דיקטאגראף איז טאקע געשטאנען אין דעם זעלבען בילדינג.

אין דר. האמילטאנ'ס סייף האט מען געפונען שעדליכע דראגס אויף דער סומע פון $1,500.

אינטערעסאנט איז צו באמערקען, אז דער ארעסטירטער דאקטאר איז ביז דעם 1־טען יאנואר 1920, געווען אנגעשטעלט אלס ארצט אין דער היגער היוז אוו קארעקשאן.

די פאליציי פארשט איצט אויס זיין טעטיגקייט פאר דער צייט ווען ער איז געווען פארבונדען מיט דעם אויבענדערמאנטען פריזאן.

לאקאלע פאסירונגען

צוויי אונטערערדישע ברייזלאך ענטדעקט פון דער פאליציי

די דעטראיטער פאליציי האט לעצטען דינסטאג ענטדעקט צוויי אונטערערדישע ברייזלאך, אויסגעשטאטעט לויט ווי די לעצטע כללים פון משקה־ברויערי. איינע איז ענטדעקט געווארען אויף אטים סטריט, אין קעלער פון א געוויסען ציפיראן באציא, וואו מען האט געפונען צוויי מאדערנע דיסטילעריען, וועלכע קענען ארויסגעבען צו 60 גאלאן שנאפס א טאג.

עס איז דארטען גלייכצייטיג קאנפיסקירט געווארען צוויי פעסלאך רעזען, 196 גאלאן רעזען מעש און צעהן גאלאן וויהיסקי.

דערנאך איז די פאליציי אריין אין דער צווייטער הויז, נעקסט צו ציפיראן באציא, וואו עס וואוינט איינער אן אנטאניע יאניאק. און האבען ענטדעקט א צווייטע אונטערערדישע ברייזעל, וועלכע האט געהאט א דיסטילעריע פון 10 גאלאן א טאג. זיי האבען אויפ'ן פלאץ צושטערט 120 גאלאן רעזען מעש. ביידע אייגענטימער זיינען ארעסטירט געווארען און ווערען געהאלטען אויף דער קלאגע פון איבערטרעטען דעם יונייטעד סטייטס פראהיבישאן געזעץ.

אויסער די צוויי אונטערערדישע ברייזלאך האט די פאליציי ענטדעקט א געוועהנליכע ברייזעל אויף 609 סטורטע וואנט עוו. די אייגענטימערין מרס. העלען קענעדי איז ארעסטירט געווארען, און די דיסטילעריע איז קאנפיסקירט געווארען.

די צוויי פאליסלייט, וואס האבען ארעסטירט דער מרס. קענעדי, דערצעהלען, אז זי האט זיי אנגעבאטען $200 אים ווי זאלען זי פריי לאזען.

גרימירטער מאן ארעסטירט אויף וואודוואהרד עוו.

איזידאר ווילא, א רייכער שפאנישער געשעפטסמאן פון נערי, אינד., איז לעצטען דינסטאג ארעסטירט געווארען אויף וואודוואהרד עוו. ווען פאליסמאן סידני סמיטה האט באמערקט, אז ער טראגט א פאלשע בארד און מאסטאש.

ווילא פיהרט אן א גרויסען גראסערי געשעפט אין נערי, אינד. לעצטען זומער איז ביי איהם פארגעקומען א סטרייק פון זיינע אנגעשטעלטע און אזוי ווי ער איז געווען זעהר איינגעקשנ'ט און ניט געוואלט נאכגעבען, זיינען די סטרייקערס ארויס אין דער עפענטליכקייט מיט קודות פון זיין געשעפט, וועלכע האבען איהם דיסקרעדיטירט און דער רעזולטאט איז געווען, אז פיעלע פון זיינע קאסטאמער האבען ניט נאר אויפגעהערט ביי איהם קויפען, נאר זיינען פלוצלונג אין גאנצען פארשוואונדען, ניט באצאהלענדיג זייערע חובות צו איהם. ער האט געהערט, אז איניגע פון זיי געפינען זיך אין דעטראיט, האט ער באשלאסען צו קומען אהער גרימירטערהייד. און אזוי ארום האט ער געדענקט וועט ער בעסער קענען אויסזוכען אלע די אדרעסען פון פערזאנען וועלכע ער דארף.

אויסהערענדיג זיין מעשה, האט די היגע פאליציי טעלעגראפירט קין נערי, און ס'איז געקומען אן ענטפער פון דער ארטיגער פאליציי, אז ווילא איז א גוטער און עהרליכער בירגער.

אזוי שנעל ווי דער ענטפער איז געקומען, איז ער גלייך באפרייט געווארען.

פארלאנגט אז די רעגירונג זאל אומקעהרען פאר א מיליאן דאלאר קאנפיסקירטע „דראגס"

לואיס מעקליער, דער לאיער פון אראן לאווערי, וועמען די פאליציי האט קאנפיסקירט פאר א מיליאן דאלאר אפיום און מארפין, האט אריינגעגעבען א פעטיציע אין פעדעראל קאורט, אז די רעגירונג זאל אומקעהרען די קאנפיסקירטע „דאופס" צום אייגענטימער. די דאזיגע פעטיציע וועט דארפען דורכגעהן דעם סופרים קאורט נעקסטען מאנטאג.

דער דערמאנטער לאיער ווייזט אויף אין זיין פעטיציע, אז די רעגירונג האט לויט'ן געזעץ ניט קיין רעכט צו פארנעהמען פריוואטע אייגענטום און מעג עס אפילו זיין אזא פארבאטענער ארטיקעל ווי שעדליכע דראגס.

אידישער יונגערמאן קריגט 2 יאהר געפענגעניש

איב ראזענבערג איז דינסטאג אווענט פארמשפט געווארען פון דזשאדזש סטאטעל אויף 2 יאהר אין ליווענווארטה פעניטענשערי. ווען ער האט זיך ערקלעהרט שולדיג אויף דער קלאגע פון גנבענען אן אוטא־טראק.

ראזענבערג איז ארעסטירט געווארען מיט איניגע וואכען צוריק. דער געגנב'עטער אוטא־טראק געהערט צו ערדמאן עקספרעס קאמפ.

די פאליציי האט א גרויסען פארדאכט, אז ראזענבערג איז אויך געווען פארמישט אין דער מיילס־טעאטער רויבעריי.

„ס'איז א כבוד ארעסטירט צו ווערען פון דר. אינטשעס", זאגט שיקאגאר שכור

פעטער ברענאן, פון שיקאגא, וועלכער האט געהאט דעם כבוד ארעסטירט צו ווערען פון דר. אינטשעס אליין בכבודו ובעצמו, פיהלט זיך יעצט דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט.

נעכטען, ווען דזשאדזש סטיין האט דעם ארעסטירטען צוגעמשפט 25 דאלאר שטראף, האט ער מיט שמחה באצאהלט און ערקלעהרט:

ס'איז ווערט, דזשאדזש! ניט אלע האבען די עהרע ארעסטירט צו ווערען פון דר. אינטשעס ער איז — [...]

טערקישער גובערנאטאר ארעסטירט

טערקישער גובערנאטאר ארעסטירט.

קאנסטאנטינאפאל, מארטש 24. — סאיר פאשא, מיליטערישער גובערנאטאר פון קאנסטאנטינאפאל איז היינט ארעסטירט געווארען פון דער ענגלישער מיליטערישער מכט.

אמעריקא געגען סולטאן זאל פארבלייבען אין קאנסטאנטינאפאל.

וואשינגטאן מארטש, 24 — די ערשטע נאטע, וואס דער נייער סטייט־סעקרעטער די, בײנברידזש קאלבי, וועט ארויסשיקען צו די אליאירטע רעגירונגען, וועט זיין די נאטע וואס איז איצט צוגעגרייט געווארען וועגען דער טערקישער פראגע. [...] טע ווידערהאלען זיין אמאליגע שטעלונג, דאס דער טערק מוז ווערען ארויסגעטריבען פון אייראפא.

די פאראייניגטע שטאאטען זענען פאר אן אונאפהענגיגען ארמענישען שטאאט, וועלכער זאל ארייננעהמען אין זיך אזוי פיעל ארמענישע טעריטאריע, וויפיעל די ארמענישע רעגירונג וועט זיין בכח צו קאנטראלירען.

ס'ווערט אויך פארשטאנען, דאס די פאראייניגטע שטאאטען דריקען אין דער נאטע אויס די מיינונג, דאס אין דעם טערקישען אפמאך מוז רוסלאנד נעהמען אן אנטייל, ווייל די אמעריקאנער רעגירונג איז איבערצייגט, דאס קיינע אפמאכען מיט טערקיי וועלען זיין ערפאלגרייך, אויב די אינטערעסען פון רוסלאנד זאלען [...]

CLASSIFIED

פיר פאמעליע בריק פלעט
באוטה פון אר־דען פארק. 5 רומס און סליפינג פארטש, 3 גאראדושעס בלויז $11.000 $26.000 איינצאלען.
Maloney-Cambell Realtty Co.
504 Free Press Bldg.

צו פארקויפען
A 1
לאקיישאן פאר א כשר בוטשער סטאר האמילטאן בולווארד נעגענד פ־ענען 28(

ווער עס וויים פון מר. ל. פרייםער־מאן, וואס האט אמאל געוואוינט אין 184 וואטסאן סט., זאל לאזען וויסען צו מר. שעהר, 229 ברידי סט., זעהר וויכטיגעס צו זיין בענעפיט. 25(

אגודת שוחטי עופות דיטראיט
מיר לאזען וויסען אלע פרויען, אז אלע פלעצער וואו מען שופט טשיקענס, וועט זיין אפען פון 8 אוהר מארגענס ביז 12 דינערטיים און פון 1 אוהר ביז 5 אוהר פארנאכט דאנערשטאג ביז 12 דינער און פון 1 אוהר ביז 10 אווענד מוד"שק ביז 10 אוהר אווענד. פרייטאג און זונטאג ביז 12 אוהר מיטאג ישראל וואסערמאן פרעז. 26)

נאטים ! נאטים !
א נייער בוטשער שאפ האט זיך גע־עפענט אויף 1382 ישינאן עוו., נע־בען 28טע סט. — פרומסטע און איי־דעלע באהאנדלונג, גיט אונז א טרייעל און איבערצייגט זיך. 28)

צו פארקויפען א גרויסע קארנער גראסערי. פרעגען: מר. באלעטצקי 749 רוזוועלט עוו. וואלנאט 1255 26)

צו פארקויפען. א מיטשעל קאר אין גוטען קאנדישאן. פרעגען: מר. באלעצקי 749 רוזוועלט עוו. וואל־נאט 1255 26)

צו פארקויפען. א גוטער וואגען פאר א סטאר, אין גוטען קאנדישאן. פרע־גען: מר. באלעטצקי 749 רוזוועלט סט. וואלנאט 1255 26)

פארטנער פארלאנגט, צו איין בוטשער שאפ אין בעסטען אידישען געגענד מוז זיין עקספיריענסד אדער אין גאנצען צו פארקויפען. פרעגען 1253 הייסטינגס סט. פאר מר. שעכ־טער. 25)

פסחדיגע שמאלץ צו פארקויפן. $1.25 א פונט. מר. סלאן, 169 גור־ווין אין די ריער. 28)

למער מתתיהו ליסס האט גע־עפענט א ברענטש אפיס פאר די אווענ־דען אין 325 וועסטמינסטער טעל. העמלאק 53300 דאן טאון אפיס. 928 משעמבער אף קאמערס בלדג. סטייט און גריסוואלד סטס. טעל. טשערי 3978

סטאר און פיקטשורס צו פאר־קויפען אין קאונטרי מיט 15 הונ־דערט דאלאר אין בעסטען לאקיישאן, קען קריגען א ליס 125 דאלאר א חודש ידענט זיכער צו מאכען געלט. פרעגען י. ל. מאלאמוט אין „וועג" אדער באקס נומער 125 (אוגוסט בראדען־ס) 26)

כשרה הויזקיפער פארלאנגט.
אין א פיינע אידישע הויז אין פארט חוראן. מוז קאנען גוט קאכען און אויך אויפפאסען די הויז. גוטע היים און גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאן. רייזע קאסטען אומגעקעהרט אויב ניט צופריעדענשטעלענד.
נאכפרעגען: וולם לאנדאן, 75 פארנס וואָרטה. — טעל. נאָקטהוויי ר.1675. אדער בען לאנדאן, 620 בראש סט. טעל־אוז דושיי 1310 26)

צו פארקויפען, א הויז אויף 55 טשויטש סט. מר. קלעטענס מישי־גאן. 10 רומס אלע מאדערנע איס־פרואוומענטס, פרייז $8.000 איינ־צאהלען $3.500 פרעגען: נ. זוסמאן 2040 רושאזעף קעמפאו.

צו פארקויפען. א גוט עטאבלירטע קריסטליכע בוטשער שאפ אויף 708 הייסטינגס, נעבען אילינוים, אורזאכע פארטנערס שטימען ניט. 26)

וואָרע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

שיקט אריין נאר 2 דאלאר.

וועט איהר באקומען א **האלב יאהר צייט** איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.

דאס „פאלקסבלאט".

א **דעמאקראטישער** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"**. זיעלבעס האט איינענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוי־לען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוי־לען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר אויך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.

דאס **„פאלקסבלאט"** וועט אייך אויך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר פערפיהרן געשעפטליכע בעצי־הונגען מיט מזרח־אייראפא.

דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס „פאלקסבלאט"**. אדרעס:

Lodz, Petrokowska 37, Poland

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זינט די לעצטע 20 יאהר האט געמופט פון 263 פארנסווארט אין 140 מעדיסון, קאר. בראש טעלעפאן: מארקעט 827

דר. ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע־מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פרייבירט היינט א דוראנד. איהר וועט זיין חרטה ניט הבען. פאדערט דר־ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציין
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דושענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע־סינסטע אין שטאדט.
פ. בוניז. פרעז.

קוואסעלאוו און קאטליערס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס פורנישינגס, נאָטי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

שעכטער'ס דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, פיירטענס, פענסי דריי־גודס.
מאכט ניט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע

Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילם איהר אייערע **קלעסער, שליסלען קארפענ־טער וענגען, טולס און אנדערע ארבייט**
גיט געמאכט און גאראנטירט
זו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלמסט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס. יואר קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקייל יעדושיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעליייבל סטאר פיקטשור קא.
505 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

ל. ה. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהייט.
511 קעמערען עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

מאושען־פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דושי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

TELEPHONE CANAL 183
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דושי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט זיין אפיס און
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארזעצונג)

זי איז אוועקגעגאנגען אויף איהר קווארטיר, אנגעצונדען א ליכט, דאס געלט אנידערגעלעגט אויף דעם טיש; אין דער ליכטיגקייט האט דאס געלט געבלישטשעט פאר איהרע אויגען, לאנג איז זי אזוי געשטאנען איינגעשאפערט מיט די עלענבויגענס אויף דעם טיש, און זיך ניט אויפגעהערט וואונדערען... פלוצים איז זי רויט געווארען און זיך שטארק פארשעהמט; שטיל האט זי גע־זאגט אז נאר די ווענט האבען געהערט: „דאס איז א נדבה!... מען האט מיר געגעבען א נדבה און איך האב גענומען! איי ווי פאסקודנע און ניט שעהן דאס איז!"

ייען זי האט נאך אמאל איבערגע־צעהלט דאס געלט, איז זי זעהר פרעהליך געווארען: עס איז געווזען פונקט צו באצאהלען דער בעל־בית'טע, עס איז נאך איבערגעבליבען אויף איין אנבייסען; זי האט שוין עטליכע טעג ניט געזעהן קיין אנבייסען, נאר טרוקען ברויט...

אך, וויליט! די בעל־בית'טע וועט מיך שוין ניט מאהנען, איך וועל זיין פריי, איך וועל קענען ווייטער פאה־רען, איך וועל שוין זיין נעהענטער אהיים איך ווער מארגען עסען אנבייסען, עס איז מיר שוין אזוי טרוקען אין האלז... עס זענען נאך דא אזוינע גוטע מענשען וואס האבען רחמנות. א ייי שלעכט בין איך, איך האב מירא געהאט פאר מענ־שען ווי פאר ווילדע חיות...

„דער אנחויב איז תמיד שווער" ־ראה'ן איז זעהר געוועזען שווער צו בע־טען א נדבה, נאר דערנאך ווען זי האט באצאהלט דער בעל־בית'טע און געבלי־בען נאך עטליכע טאג און ניט געהאט מיט וואס צו צאהלען (עס האבען זיך שוין מעהר ניט געפונען אזוינע גוטע מענשען, וואס זאלען מיט אמאל געבען 5 באנים) און די בעל־בית'טע האט זי מעהר ניט געוואלט האלטען; דערהונגערט זיך אויף דער גאס, האבען זיך געפונען דורכגעהער וואס האבען איהר געגעבען א נדבה, זי איז געוועזען הונגעריג, שוואך, צובראכען און האט גענומען.

ווען א מענש פאנגט זיך מיט עפעס א מלאכה ווערט ער באלד באקאנט מיט די בעלי מלאכות פון זיין שטאנד, און לעבט צווישען זיי. גיך האט זיך ראה באקאנט מיט די קבצנים און אביונים און ביכלעבוויז אנגעהויבען לעבען גלייך מיט זיי, קיין זאך איז ניט שווער פאר דעם מענשען, מען דארף זיך נאר גע־וואהנען, צרות און ארימקייט איבער־טראגען איז אויך ניט אזוי שווער, מען געוואהנט זיך אויך דערצו.

זי איז אזוי געוואהנט געווארען מיט נדבות בעטען, מיט איהר אביוניש לעבען גלייך ווי זי איז אזוי געבארען; א צו־קינפט פון איהר לעבען האט זי פאר זיך נאר ניט געזעהען, זי האט קיין צייט ניט געהאט דערפון צו טראכטען; דער הונ־גער, דאס שטענדיגע ארומיאגען זיך איבער די גאסען און הויזער נאך נדבות. האט ביי איהר צוגענומען די גאנצע צייט איין ליכטיגער שטראהל איז איהר גע־בליבען אין איהר לעבען... קומען אהיים, זעהען איהר קינד, לעבען מיט איהר קינד...

פון פאהרען אהיים איז שוין קיין רעד־דע ניט, וואו האט זי געהאט געלד אויף צו פאהרען? די אלע נדבות האבען איהר קוים געטראגען אויף טרוקען ברויט, נאר ארימע לייט זיצען אויך ניט אויף איין ארט, זיי רייזען אויך איבער דער וועלט, אבער ניט מיט קיין פוהרען און באהנען, נאר מיט שטעקענס אין די האנד און מיט די טארבעס אויף די פלייצעס, אזוי רייזען זיי פון שטאדט צו שטאדט, פון דארף צו דארף, ענטוועדער קאמפא־ניעס־ווייז אדער איינציגווייז, פרויען רייזען נאר מיט די קאמפאניעס.

ראה האט זיך צוגעשלאגען צו א קאמ־פאניע אביונים און איז מיט זיי אוועק פון בוקארעשט. —

איהר לעזער, וועט זיך שטארק וואונ־דערן ווען איך וועל אייך דערצעהלען אז ראה האט געדויערט פון בוקארעשט קיין רוסלאנד אין איהר געבורטשטאדט ר.... עפעס מעהר פון צעהן יאהר.

— צעהן יאהר! וועט איהר פרעגען פארוואונדערט, ווען מען זאל אפילו מיט אקסען זיך שלעפען, אדער צו פוס געהן דארף מעהר ניט נעדויערען ווי עטליכע חדשים, נאר צעהען יאהר!...

איך זאל אייך ניט דארפען א סך בדייר־ען מיט לאנגע מעשות פארוואס איהר רייזע האט געדויערט 10 יאהר, וועל איך אייך דערצעהלען א קורצע געשיכטע פון איין עמיגראציאנע ארימאן וואס איז מיר גוט באקאנט, ווי אזוי ער האט גע־רייזט פון דער שטאדט קישינאב קיין אדעס.

איין מאל ווען איך בין געפאהרען קיין קישינאב, האט מיך אונטער דער שטאדט באגעגענט מיינער א בן־עיר איין אביון, ער איז שמוציג געגאנגען מיט א שטעקען אין דער האנד און מיט א קלו־מיק צוגעבונדען אויף די פלייצעס.

— שלום עליכם — עליכם שלום, וואו עלט איהר? — האב איך איהם געפרעגט.

— עליכם שלום — שלום עליכם, איך פערט, עס האט זיך דערגעסען דאס זיינע־נעה קיין אדעס, האט ער מיך געענט־פערט ברויט, שטענדיג בעטלען; מען האט זיך געזאגט אז מיינער א נאהנטער קרוב איז שטארק רייך געווארען אין אדעס, האב איך מיך מישב געוועזען און געה אהין, טאמער וועט ער מיר העלפען מיט עטליכע קערבלעך איך זאל שוין מעהר ניט דארפען בעטלען, אדער ער וועט מיר געבען עפעס א שטעלע. —

איך האב איהם געגעבען א נדבה, גע־וואונשען איהם א גליקליכען וועג און מיר האבען זיך צושיידעט.

שפעטער מיט א יאהר בין איך גע־ווען אין קיעוו, פלוצים עפענט זיך די טהיר פון מיין אכסניא און עס קומט אריין דער אייגענער, מיין באקאנטער קבצן און בעט ביי די אורחים א נדבה. מיר האבען זיך באלד דער־קענט.

— שלום עליכם — עליכם שלום, וואס טהוט איהר דא אין קיעוו?

— עליכם שלום — שלום עליכם, איך טהו דא נאר ניט, איך געה נאר דורך איי־בער דער שטאדט, איך געה קיין אדעס.

איך האב זיך דערמאנט אן אונזער פאראיאהרעדיג באגעגעניש אונטער דער שטאדט קישינאב.

— איהר זענט זיך דאכט מיר פאר־איאהרען געגאנגען קיין אדעס, וואס איז ווייטער קיין אדעס? האט איך איער פערטיגגעמאכט קרוב עפעס געגעבען?

— איך בין נאך אין אדעס ניט גע־ווען, איך בין נאך איצט אין וועג. האט זאר העלפען ער זאל רחמנות האבען איוף מיך און מיך שטיצען מיט עטליכע קערבלעך, וואלט איך שוין אוועקגע־וואָרפען די ווייסטע פרנסה.

איך האב אויסגעשטעלט א פאר פאר־וואונדערטע אויגען און איהם געפרעגט:

— נאך זענט איהר אין אדעס ניט געוועזען? נאך זענט איהר אין וועג? מיר דאכט זיך אז ווען איהר זאלט אפילו צו פוס געהען און זיך אויסשלאפען אין אברוהען אין וועג, דארף איך פון קי־שינאב קיין אדעס מעהר ניט נעדויערען ווי דריי וואכען; און ווידער וואונדערט מיך נאך מעהר. ווי האט איהר גאר אנגע־שפארט קיין קיעוו, פון דאנען איז זיך צעהן מאל ווייטער קיין אדעס ווי פון קישינעוו, א פנים איהר זענט געגאנגען צוריק, צו וואס? אויב איהר וועט אזוי שטענדיג געהען צוריק, קענט איהר אזוי געהען טויזענד יאהר און קיין מאל ניט זעהען אדעס מיט אייער רייכען קרוב.

ער האט זיך אנגעשפארט אויף זיין לאנגען וועגס שטעקען, אראבגעלאזט דעם קאפ מיט א זיפץ מיר געענטפערט:

יא צוריק, גוט איז אייך דאס צוזאגען „צוריק" און זיך אזוי וואונדערן וואס איך געה שוין א יאהר קיין אדעס און בין ע־שט פארקראכען אין דער זייט קיין בוגעבערג — קיין קיוב, גוט איז אייך דאס צו זאגען און איהר מעגט זיך טאָ־קע וואונדערען ווען פאר אייך זענען דא באהנען מיט בעלי עגלות, ווארימע פעל־צען, מלבושים מיט פאראסאלען, וואס היט אייך אב פון רעגען פון קעלט און פון נעיז, פאר אייך זענען דא ווארימע אכסניות מיט אנבייסענס און וועטשע־רעם, ווייכע אויסגעבעטע בעטלעך וואו איהר קענט אברוהען אייערע איינגע־טרעסעלטע ביינער; אזוי וואלט איך גע־קאנט קומען אין איין טאג קיין אדעס; ביי אונז קבצנים איז עפעס אנדערש, מיר האבען ניט קיין באהנען מיט בעלי עגלות, מיר האבען ניט קיין קליידער, קיין אכסניות מיט אנבייסענס און בעט־לעך, מיר לאזען זיך ארוים אין וועג, מען געהט אב עטליכע ווערסט ביז אין דער ערשטער קרעטשמע, און אויף אונזער ווייסט מזל מוז געהען א שלאק רעגען, אדער א שנעע, א זשלעדרע אדער אזוי א צחה און מען ווערט איבערגעפרוירען ביז אין די ביינער, די פיס האקען און שלע־פען זיך קוים און פון רעסטוועגען וואלט מען געגאנגען ווייטער, נאר די שלעכ־טע פאגאדע האלט אזוי עטליכע טעג און אמאל צוויי וואכען, מוז מען איבער־ווארטען אין דעם נאהנטסטען דערפיל אדער אין שטעדטעל, דערנאך געהט מען ווייטער אב עטליכע ווערסט און מע וואלט אפשר ווייטער געקענטגעהען, נאר די פיס ווערען געשוואלען, דאס גאנצע

לייב טהוט וועה, אלע ביינער ברעכען; דאס קומט אלץ פון ניט־עסען, פון ניט רוהען, פון פארקילעכטסען און פון אלע אנדערע שלעק און צרות, מוז מען שוין אי נאהנסטען שטעדטעל אריין אין א הקדש. און אז איין ארימאן אז ער ווערט קראנק ווערט ער אנדערש ניט געזונד, ביז עס געהט איבער אלע קראנקהייטען — אזא טהייער מזל האבען מיר קבצנים! מען קען אבלינען א גאנץ יאהר, א האלב יאהר און ניט ווינציגער ווי דריי חדשים. ווען מען ווערט שוין געזונד און מען געהט ארוים אויף דער גאס וויל מען אך ווייטער עסען, געהט מען דערוויילע ארום אין שטאדט עטליכע וואכען מאכען עטליכע גראשענס אויף דעם וועג, און וואס מען קלייבט זיך שוין ארויס־לאזען אין וועג ווערט מען געוואהר אז אין צוויי וואכען ארום מאכט א גביר א התונה און מען וועט טהיילען צו רובל אין צו צוויי רובל חוץ א גוטער וועטשע־רע וואס מען קען זיין זאט עטליכע טעג. גלוסט זיך ניט אוועקגעהן, מען קען ניט ארויסווארפען דאס אומזיסטע וואסער אירדער מען האט. דאס דיינע, איידער וואס מיין רייכער קרוב וועט מיר א מאל העלפען און אפשר ניט, דערווייל גלוסט זיך ניט אוועקצווארפען א מזומן קעד־בעל מיט אזא וועטשערע, און ווער ווייסט טאמער וועט מען ביי דעם גביר מעהר טהיילען, בלייבט מען איבער אויף צוויי וואכען. ווען דעם גביר'ס התונה

לעגט מען פלוצים ווייטער אב אויף צוויי וואכען, ווארט מען נאך און עס ווערט שוין פיער וואכען, ווארום אז מען האט שוין אזוי פיעל געווארט, גלוסט זיך שוין ניט אוועקגעהן מיט גאר גישט.

(פארטזעצונג פאלגט)

אדווערטייזט אין „וועג"

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אייהעסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע האפטשערצען, אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט
Frosh O. D.

אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך'ס דושעולערי סטאר.

אלומינום און גראניט־וועהר
לכבוד פסח
אויך א פולען ליין קראקערי קריגט איהר ביי

ווילט איהר סיוועט 30 פראצ. ?
בני קויפען אייער פורניטשור, סטאווס ראנג, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפלים ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער היים
קעש אדער קרעדיט
638 גראשיאט עוו. — טעלראוו 4985

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר־בייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־טעראַרישע אווענטען קאנצער־טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטאוק.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאר נעגדע ליינס:
קאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעדספרעדס, סויר טענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפלים ליין אין לידיס פענ־סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בויים סוטס און קאוטס. א קאמפלים ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

ליב טהום וועה, אלע ביזער ... בעטען,
דאס קומט אלץ פון ניט עסען פון ניט רוהען, פון פארקילעכטסען און פון אלע אנדערע שלעק און צרות, מוז מען שוין אי נאהנסטען שטערטעל אריין אין א הקדש. און אז איין ארימאן אז ער ווערט קראנק ווערט ער אנדערש ניט געזונד, ביז עס נעהט איבער אלע קראנקהייטען
— אזא טהייער מזל האבען מיר קבצנים!
מען קען אבליגען א גאנץ יאהר, א האלב יאהר און ניט ווינציגער ווי דריי חדשים. ווען מען ווערט שוין געזונד און מען נעהט ארויס אויף דער גאס וויל מען דאך ווייטער עסען, נעהט מען רעהוויה ארום אין שטאדט עטליכע וואכען מאכען עטליכע גראשענס אויף דעם וועג, און ווען מען קלייבט זיך שוין ארויס לאזען אין וועג ווערט מען געוואהר אז אין צוויי וואכען ארום מאכט א גביר א חתונה און מען וועט טהיילען צו רובל און צו צוויי רובל חוץ א גוטער וועטשע רע וואס מען קען זיין זאט עטליכע טעג. גלוסט זיך ניט אוועקגעהן, מען קען ניט ארויסווארפען דאס אומריינע וואסער אידע- מען האט דאס ריינע, איידער וואס מיין רייכער קרוב וועט מיר א מאל העלפען און אפשר ניט, דערוויל גלוסט זיך ניט אוועקצווארפען; א מזומן קער בעל מיט אזא וועטשערע, און ווייר נווייסט טאמער וועט מען ביי דעם גביר מעהר טהיילען, בלייבט מען איבער אויף צוויי וואכען, וועז דעם גביר'ס חתונה

וואבען ווארט מען נאך און עס ווערט שוין פיער- וואכען, ווארום אז מען האט שוין אזוי פיעל געווארט, גלוסט זיך שוין ניט אוועקגעהן מיט גאר ניסט.

(פארטזעצונג פאלגט)

אדווערטייזט אין "וועג"

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר לייעדט פון איינער וועלכע קאפּשמערצען, אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, ערהליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך בעפרייען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער ניט באקאנטען

אפטאמעטריסט

Frosh O. D.

אין 204 "קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשועלרי סטאר.

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארזעצונג)

זי איז אוועקגעגאנגען אויף איהר קווארטיר, אנגעצונדען א ליכט, דאס געלט אנידערגעלעגט אויף דעם טיש; אין דער ליכטיגקייט האט דאס געלט געבלישטשעט פאר איהרע אויגען, לאנג איז זי אזוי געשטאנען איינגעשאפט מיט די עלענבויגענס אויף דעם טיש, און זיך ניט אויפגעהערט וואונדערען... פלוצים איז זי רויט געווארען און זיך שטארק פארשעהמט; שטיל האט זי געזאגט אז נאר די וואנט האבען געהערט: "דאס איז א נדבה!... מען האט מיר געגעבען א נדבה און איך האב גענומען! אוי ווי פאסקודנע און ניט שעהן דאס איז!" —

ווען זי האט נאך אמאל איבערגעצעהלט דאס געלט, איז זי זעהר פרעהליך געווארען: עס איז געווען פונקט צו באצאהלען דער בעל־הבית'טע, עס איז נאך איבערגעבליבען אויף איין אנבייסען. זי האט שוין עטליכע טעג ניט געזעהן קיין אנבייסען, נאר טרוקען ברויט. —

— אך, ווי גוט! די בעל הבית'טע וועט מיך שוין ניט מאהנען, איך וועל זיין פריי. איך וועל קענען ווייטער פאה־רען, איך וועל שוין זיין געהענטער אהיים איך וועל מארגען עסען אנבייסען, עס איז מיר שוין אזוי טרוקען אין האלז...

רייזט פון דער שטאדט קישינאב קיין אדעס.

איין מאל ווען איך בין געפאהרען קיין קישינאב, האט מיך אונטער דער שטאדט באגעגענט מיינער א בקעיר איין אביון, ער איז אמוציג געגאנגען מיט א שטעקען אין דער האנד און מיט א קלור מיך צוגעבונדען אויף די פלייצעס.

— שלום עליכם — עליכם שלום, וואו געהט איהר? הא באיך איהם געפרעגט.

— עליכם שלום — שלום עליכם, איך פערט, עס האט זיך דערגעסען דאס וויסנעה קיין אדעס, האט ער מיך געענטפערט ברויט, שטענדיג בעטלען; מען האט זיך געזאגט אז מיינער א נאהנטער קרוב איז שטארק רייך געווארען אין אדעס, האב איך זיך מישב געוועזען און געה אהין טאמער וועט ער מיר העלפען מיט עטליכע קערבלעך איך. זאל שוין מעהר ניט דארפען בעטלען, אדער ער וועט מיר געבען עפעס א שטעלע. —

איך האב איהם געגעבען א נדבה, געוואונשען איהם א גליקליכען וועג און מיר האבען זיך צושיידעט.

שפעטער מיט א יאהר בין איך געוועזען אין קיעוו, פלוציר עפענט זיך די טהיר פון מיין אכסניא און עס קומט אריין דער־ איינענער, מיין באקאנטער קבצן און בעט ביי די אורחים א נדבה. מיר האבען זיך באלד דערקענט.

— שלום עליכם — עליכם שלום, וואס טהוט איהר דא אין קיעוו?

— עליכם שלום — שלום עליכם, איך בין דא נאך־לעט, איך געה נאך דורך פון דער שטאדט, איך געה קיין אדעס. איך האב זיך דערקאנט אין אנגעגעבען אונטער קא־א־אחרעניע שטאדט קישינאב.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קוירטענס, פענסי דריי־גודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע

Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע ...לעסער, שלישלען קארפענ... ...עער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
ניט נעשאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלססט.

שיקט אריין נאר
2 דאלאר
וועט איהר באקומען א האלב יאהר צייט איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסטער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.
דאס „פאלקסבלאט".
א רעמאקראטישער ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.
דורכ'ן „פאלקסבלאט". ... האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פויי־לען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פויי־לען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.
דורכ'ן „פאלקסבלאט" קאנט איהר אייך בעקומען נחומען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.
דאס „פאלקסבלאט" וועט אייך אייך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.
דורכ'ן „פאלקסבלאט" קאנט איהר פערקויפען געשעפטליכע בעצי־הונגען מיט מזרח־אייראפא.
דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך דאס „פאלקסבלאט". אדרעס:
Lodz, Petrokowska 37, Poland

— באקאנטמאכונג —
רעה. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
....
140 ....
827

Reliable Store Fixture Co.

Philadelphia ...

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט
490 הייסטינגס סטריט

ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
511 קאמעראן עוועניו
טעל. נארטה 1130 ...

פארד קארס
און אנדערע קארס

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

Movie Operator's School
33 Sproat St

DURAND

DAVIS CIGAR MFG. CO

Dr. H. Goodman
דענטיסט
737

דוד הפטמאן

CLASSIFIED

פיר פאמעליע בריק פלעט
מאוטה פון א־רען פארק. 5 רומס און סליפינג פארטש, 3 גאראדזשעס בלויז $11.000 $26.000 איינצאלען.
Maloney-Cambell Realty Co.
504 Free Press Bldg.

צו פארקויפען
A 1
לאקיישאן פאר א כשר בוטשער סטאר האמילטאן בולווארד נעגענד פ־עגען 28(

ווער עס וייס פון מר. ל. פריימער־מאן, וואס האט אמאל געוואוינט אין 184 וואטסאן סט., זאל לאזען וויסען צו מר. שעהר, 229 ברידי'סט., זעהר וויכטיגעס צו זיין בענעפים. 25(

אגודת שוחטי עופות דיטראיט
מיר לאזען וויסען אלע פרויען, אז אלע פלעצער וואו מען שופט טשיקענס, וועט זיין אפען פון 8 אוהר מארגענס ביז 12 דינערטיים און פון 1 אוהר ביז 5 אוהר פארנאכט דאנערשטאג ביז 12 דינער און פון 1 אוהר ביז 10 אווענר מוצ"ש ביז 10 אוהר אווענר. פרייטאג און זונטאג ביז 12 אוהר מי־טאג ישראל וואסערמאן פרעז. 26)

נאטיס! **נאטיס!**
א נייער בוטשער שאפ האט זיך גע־עפענט אויף 1382 ישיגאן עוו., נע־בען 28טע סט. — פרומסטע און איי־דעלע באהאנדלונג, ניט אונז א טרייעל 28)

צו פארקויפען
749 ... 1255 26)

צו פארקויפען
... 1255 26)

צו פארקויפען
... 749 ... 1255 26)

פארטנער פארלאנגט
... 1253 25)

פסהדיגע שמאלץ
$1.25 ... 169 ... 29)

קמער מתתיהו ליסס
... 325 ... 53300 ... 928 ... 3978

סטאר און פקטשורס
... 125 ... 125 26)

כשרה היקיפער פארלאנגט
... 75 ... 1675 ... 620 ... 1310 26)

צו פארקויפען
55 ... $8.000 ... $3.500 ... 2040

צו פארקויפען
... 703 ... 26)

ווערע בילינ פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
מאקס ראווינסקי
353־355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

אלומינום און גראניט־וועהר לכבוד פסח

אויך א פולע ליין קראקערי קרינט איהר ביי

לענט ניט אפ אויף דער לעצ־טער מינוט. קומט היינט און קלייבט אויס וואס איר דארפט אויף פסח

מ. ב. שפיא. 511 הייסטינגס סט.

וולט איהר סיוען 30 פראצ.?
Standard Furniture and Store Fixture Co.
4985 ... 638

קאפלאן'ס בארגין סטאר
483 הייסטינגס סטריט

הא"לס
צו פארמיטען, אידישען אר־בייטער אינסטיטוט
204 העגקאק איסט

"דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מען 4420

ליסט נומער 3 פון רעסיטס וואס זענען ערהאלטען געווארען פון

דוד גאלדמאן, ווארשאו, פוילען

מיר דרוקען דא א ליסט פון רעסיטס און די נעמען פון די וואס האבען געשיקט געלט דורך אונזער פארטרעטער דוד גאלדמאן. מיר דרוקען אויך א ליסט פון די סומען וואס זענען געשיקט געווארען און ווער עס האט די געלדער ערהאלטען.

מר. גאלדמאן לאזט אונז הייגט וויסען דורך קייבעל, אז געלדער וואס וועלען גלייך געשיקט ווערען דורך קייבעל וועט ער זיך באמיהען אויסצו צאלען אויף פסח.

נאמען	שטאדט	סומע	געשיקט פון
דושייקאב בודמאן	ביאליטאק	5.000	ה. בודמאן
אהרן אייזענבערג	סקערנעוויץ	1.000	מ. אייזענבערג
הערץ פראגמאן	ווארשאו	[illegible]	ס. פריער
אברהם פראגמאן	ווארשאו	1.000	ס. פריער
שרה פראגמאן	ווארשאו	1.000	ס. פריער
מלכה צוקערבלאט	פולאווע	1.000	דושיי צוקערבלאט
ה. מאבאלסקי	ווארשאו	500	דושיי זילבערשטיין
יונה פינקעלמאן	יאראוו	2.000	לואים פינקעלמאן
איציק צינגיסער	מיאסטא זאמאשטש	1.500	סעם סינגער
פעסעל הירשקאוויץ	טשערזין	1.500	דושיי הירשקאוויץ
דינה גרינבערג	ווארשאו	2.500	ס. גרינבערג
גרשן קיעמפער	קאוועל	2.000	מ. קראסקע
צלאל פערענגאטען	ווארשאו	2.000	א. גריצמאן
אברהם נוסבאום	מעזריטש	2.000	ב. נוסבאום
פעסיע מאסקאוויץ	נאוואראדאמסק	1.000	א. מאסקאוויטש
פייגע בינע רובעל	גאמבין	1.000	א. וויספער
מענדעל גערשענזאן	טישאשפאל	2.000	אידע גערשענזאן
גיטעל קאנואדלא	ווישקאוו	4.000	נ. קאהען
טיילדע וואצלאווסקי	סאסנאוויץ	5.000	וויאצלאווסקי
שרה אסטראוויאק	ווישקאוו	200	סעם האלאנד
חיים בערגשטיין	ווישקאוו	1.000	וויליאם בערנשטיין
אסתר הייסען	ווישקאוו	250	ה. מאלינא
אברהם איצי מאלינא	וויאקאוו	500	ה. מאלינא
יענטע בלעבאוויץ	ווישקאוו	3.000	דושיי גוטמאן
אברהם איצי מאלינא	ווישקאוו	200	דושיי האלאנד
מענדעלאם	פולטוסק	1.000	ברכה זענערמאן
משה גראבמאן	אוזשונוזש	1.000	א. ארעלסאן
גאדעל זינגערמאן	ווישקאוו	2.000	ס. זינגערמאן
טובע שווארץ	ווארשאו	1.000	ס. בענק
א. יאסקאוויץ	ווישקאוו	2.500	מ. יאסקאוויטש
שרה קופער	ווישקאוו	1.000	ה. קופער.
בענדזשאמין מאנשיימער	ווישקאוו	1.500	סאלאמאן מאנשיימער
ל. ה. גורמאן	ווישקאוו	1.000	ל. גורמאן
לאה ארבוז	לובלין	2.000	דושיק ארבוז
פנחס איצקאוויץ	ראדאם	3.000	אב. איצקאוויץ
וואלף לעווענבערג	וולאסצאוו	1.000	סלאמא לעווענבערג
יחזקאל פרידמאן	ווישקאוו	1.500	מ. פרידמאן
פייגע אדעס קירשענבוים	סקארישאוו	2.000	ישראל קירשענבוים
מאלע סאמעט	סקארישאוו	1.000	ה. סאמעט
פערל לעווין	דאמבלין	1.000	סעם לעווין
אנשיל דראנזשיק	ווארשאו	500	סעם דראנזשיק
ברוך בראנק	ווארשאו	500	ה' קופערשמיט
ציפה פוקס	ווארשאו	1500	לואים פאקס
אברהם איציק קראסאווסקי	סואוואלק	500	דושיי אפרת
אברהם שטאל	לאדזש	500	ל. זייד
נחום שווייגענבוים	טשענסטאוו	1.500	אשר שווייגענבוים
אהרן הארבערג	קאצוראוו	1.000	ה. האפבערג
מרים איטע טשעקוואני	יאראוו	2.000	מ. קאהען
פעסל קאנארעק	במעלניק	1.000	אליהו קאנארעק
לאה קאנארעק	טשענזין	500	אליהו קאנארעק
דינה מאנציק	סוליסטאוו	2.000	הערי פרענקעל
ליב ביעראק	אוגוסטאווא	1.000	דושיי טשעראר

נאמען	שטאדט	סומע	געשיקט פון
טשארני גארפינקעל	ווישקאוו	500	ס. סטיינבערג
שלום פרידמאן	קאמענא קאשירסק	5.000	דושיי שיפמאן
יעקב הירש מארדקאוויץ	טאמאשאוו	25.000	א. מארדקאוויטש
וועלוועל סידארסקי	לאדז	1.000	א. סידארסקי
בענזשאמין באלל	גאמבען	1.000	לואים באלל
רבקה רחל אבערזאנעק	פולטוסק	1.000	מרס. דושיי פרידמאן
רייזע לאה בערענט	סואוואלק	1.000	ה. בערמאן
יוסף גאלדוואסער	לאדז	1.000	מאקס גראסבערג
גאלא קאהען	אסטראווא	5.000	מ. קאהען
פייגע רעמטשיק	אסטראווא	500	מ. קאהען
פערל הערנהאלץ	אסטראווא	500	מ. קאהען
איטע גאלדבערג	קארשין	1.000	סעם גאלדבערג
ליפא מעלטאק לאדזש	לאדזש	2.500	מאריס מעלטאק
אסתר פארשיק	פינסק	2.000	זאמא-אטשעניק
ראבע קופערבערג	ווארשאו	1.000	דושייק קופערבערג
עזרא שטיינמארט	זאמבראוו	1.000	אב. שטיינבערג
מענדעל אויסעז	סאפיעווקע	1.000	לואים קוקעס
דושייקאב שטיינער	סאסנאוויץ	500	ס. נאקעלסקי
מלכה בעלעלסקא	שטשעקאצין	1.000	ס. נאקעלסקי
אברהם ליביש נאקעלסקי	שטשעקאצין	500	ס. נאקעלסקי
שרה בוילא נאקעלסקי	שטשעקאצין	500	ס. נאקעלסקי
חנה ענגעלמאן	ווארשאו	1.000	הערי ענגעלמאן
זיסמאן גאלדבערג	לאדז	1.000	א. גאלדבערג
פיים האאז	לאדז	500	א. גאלדבערג
איטע פריידע טשערנאוויצא	ווארשאו	500	מ. טשערנאוויץ
שייקע ארליק	אסטראווא	300	י. בלאשטיין
חיה פסיל אבראמסקי	סאפאקין	250	סעם פילאוויץ
שרה גוראוויץ	לוקאטש	11.500	מ. וויינטרויב
שמחה גראסבארד	ווישקאוו	2.200	ס. ריימי
פעסיק פישהאף	לאדזש	3.000	יאנק פישער
נאטאן ליפשיץ	פלאצק	800	מ. גראסמאן
שרה גרינבערג	לאדז	500	ס. גרינבערג
הענעך פרידערבלום	וולאצלאוועק	2.000	ר. ראזענטהאל
אסתר קירש	לארזש	500	מ. קירש
א. לייזעראוויטש	סולעוו	800	שרה גאלדמאן
שמואל וויינגורט	ווארשאו	500	מארק. וויינגוסט
משה הלל פאטשעקאווסקי	קיעלץ	1.000	אב. פעקער
שמואל רענדעל	לאדז	500	מארק רענדעל
סענדער שטריקמאן	לאדז	500	דושא פרידמאן
מנשה פישקע	סטאראוויקא	1.000	ל. סאסניק
מנשה פישקע	סטאראוויקא	1.000	ל. וואלאך
פייגע קאהען	אסטבאווא	200	מ. קאהען
שרה אונטערהויז	מלאווא	1.400	מ. וויינשטיין
ישראל גראנאט	טאמאשאוו	1.000	ד. גראנאט
בערעק גראנאט	טאמאשאוו	500	ד. גראנאט
אליהו פישאף	טאמאשאוו	500	ד. גראנאט
מנשה פישקע	סטאמאשאוו	1.000	דושא סטאליער
מנשה פישקע	סטאראוויקאוו	500	דושא סטאליער
מנשה פישקע	סטאראוויקאוו	2.500	מ. אייזעלמאן
מנשה פישקע	סטאראוויקאוו	3.000	א. וואלאך
מנשה פישקע	סטאראוויקאוו	2.500	בעני אייזעלמאן
מנשה פישקע	סטאראוויקאוו	2.[illegible]00	טש. אייזעלמאן

GOLDMAN BROS. 393 HASTINGS

FOREIGN OFFICE:

Przejazd 5, David Goldman, Warsaw, Poland

וואטשט די צייטונגען פאר א נייעטערדיגען ליסט פון רעסיטס

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דאנערשטאג, מארטש 25טער, 1920.

די צוויי פאראורטיילטע פרויען

ווענען דער פאמיליע מיט 7 קינדער וואס האט זיך געוואלגערט אין א העטראיט'ער שטאל.

"אט צו אזא מדרגה האט דערטרייבט די הויז פראגע אין דעטראיט" — מיט דיזע ווערטער האט דער נייעס שרייבער פון „וועג“ פארענדיגט זיין פיקאנטנע שטיקעל נייעס אין דינסטאג'דיגען נומער אונטער דעם נאמען „פאמיליע מיט זיבען קינדער געצוואונגען צו וואוינען אין א שטאל“.

און אויך פאר דיזער שטאל, וועלכע איז אומסאניטאריש לויט אלע דינים, האט זיך געפונען א לענדלארד וואס האט גענומען מענשליכקייט גענוג צו שינדען 35 דאלאר א חודש דירה געלד.

ווארום?

פשוט — די פאמיליע באשטעהט פון ניין מענשען. די פרוי האט זיבען קינדער.

וועלכער פאטריאטישער לענדלארד אין גרייטער דעטראיט וועט עס פארדינגען אן אפארטמענט צו א מאמען מיט זיבען קינדער?

די לענדלארדס גופא וואלטען דוקא געוויען די ערשטע וואס זאלען פארדאמען יענעם דאקטאר וואס זאל מאכען אן אומגעזעצליכע אפעראציע אויף א שוואנגערע פרוי; זיי וואלטען געווען די ערשטע וואס זאלען פארדאמען אזא פרוי ווי למשל די ניואָרקער מאדאם מארגארעט סינגער, וועלכע איז טאקע פאר'משפט געווארען צו געפאנגענשאפט דערפאר וואס זי האט פארשפרייט א בראשורע, אין וועלכער זי האט געפרעדיגט קעגען צופיעל קינדער און געגעבען מיטלען קעגען שוואנגערשאפט.

מיר ווילען דא נישט אריינגעהן אין ויכוחים אין באצוג צו אזא מין פראפאגאנדא; נישט צוליעב דיזער פראגע האבען מיר זיך געזעצט שרייבען דיזען לייטארטיקעל; נישט די שולד און אומשולד פון די מארגארעט סינגערס איז אונז איצט נוגע. נאר דאס הפקרות און די היטשינ־דעריי פון די היגע לענדלארדס.

פארוואס נישט פאר'משפט'ן צו א לענגערען טערמין געפענגעניש אזא לענדלארד, וועלכער אנטזאגט זיך צו פארדינגען א הויז צו א מוטער פון זיבען קינדער און נאר פאר דער איינציגער זינד וואס זי האט געבוירען זיבען קינדער?

דאס מיינט בפירוש:

די מיסעס מארגארעט סינגער איז באשטראפט געווארען דערפאר וואס זי האט געפרעדיגט פאר באשרענקונג פון קינדער געבורט. און די מיסעס סעמיועל דאהערטי, ווידער, ווערט באשטראפט פאר נישט פאלגען די עצות וואס די מיסעס סינגער האט געגעבען איהרע שוועסטער.

די ניואָרקער מיסעס סינגער איז באשטראפט געווארען פון א ריכטער, וועלכער איז אפשר אויך אן אייגענטימער פון א הויז.

די דעטראיט'ער מרס. סעמיועל דאהערטי, ווידער, איז באשטראפט געווארען פון א הויז אייגענטימער, וועלכער איז אפשר אויך א ריכטער.

און ווער קען דען אויסמעסטען ווער פון דיזע צוויי פרויען האט באקומען א גרעסערע, אן ערגערע שטראף?

די מרס. מארגארעט סינגער איז פאראורטיילט געווארען צו געפענגעניש.

מיר קענען זיך אצינד נישט דערמאהנען אקוראט אויף וויפיעל צייט. לאמיר זאגען, אז זי איז פאראורטיילט געווארען אויף א יאהר, אדער אויף צוויי יאהר.

ביטער איז דאס מזל פון דעם פאראורטיילטען צו שמאכטען אין טורמע. אבער פארט, דאכט זיך אונז, אז דאס מזל פון דער דעטראיטער פרוי מיט די זיבען קינדער (מיסעס סעמיועל דאהערטי), וועלכע איז פון די דעטראיט'ער לענדלארדס פאראורטיילט געווארען צו וואלגערען זיך אין א שטאל, איז ביטערער און פינסטערער, איידער דער מיסעס סינגער'ס.

נאך אלעמען מעג מען דאך גלייבען, אז אן אמעריקאנער טורמע איז נישט קיין שטאל פאר פיער־פיסיגע דבקים אחרים; נאך אלעמען מעג מען דאך גלייבען אז אן אמעריקאנער טורמע איז מעהר סאניטאריש, איידער א שטאל.

און אגב דארף מען דאך נישט פארגעסען, אז די מאדאם סינגער, די פארברעכערין, ווערט אויסגעהאלטען אויף רעגירונגס הוצאות; זי דארף קיין דירה געלד באטש נישט באצאהלען פאר איהר צעל, ווערענד די פאר־אורטיילטע מוטער מיט די זיבען קינדער האט נישט נאר זיך געפלאגט אין דעם פארפעסטעטען שטאל זעקס חדשים, נאר האט נאך געמוזט, איינזיגען האבען צו שפארען, אפשר פונם עסען און פונם טרינקען און באצאהלען אלע מאל פון יעדען חודש דאס דירה געלד — פינף און דרייסיג דאלאר.

וואהנען אין א זוהמיגער שטאל מיט זיבען קינדער! — קענט איהר זיך משער זיין וואס פאר א שטראף דאס איז!

און די פאראורטיילטע פרוי, די מאמע פון זיבען קינדער האט געמוזט אלע טאג, אדער עטליכע מאל אין טאג ארומלויפען מיט די טעפ צו די שכנים און בעטען מען זאל איהר ערלויבען צו נעהמען וואסער; און מיט די זיבען קינדערלאך האט זי זיך געפלאגט די סאמע ווינטער חדשים; די חדשים ווען דא האט געפושעוועט די „פליו“ און אנדערע עפידעמיעס.

יא, מיר זיינען כמעט זיכער, אז די פרוי וועלכע האט נישט געפאלגט די אומגעזעצליכע עצות קעגען שוואנגערשאפט, און וועלכע האט באריי־כערט די אמעריקאנער נאציאן מיט זיבען קינדער איז פון די דעטראיט'ער לענדלארדס שטרענגער באשטראפט געווארען, איידער יענע ניואָרק'ער דאמע, וואס האט אגיטירט קעגען שוואנגערשאפט און קעגען האבען צופיעל קינדער.

און דאס טרויעריגסטע דערביי איז, וואס די לאגע, ווי צרה'דיג זי איז נישט, ווערט נישט נאר נישט פארבעסערט, נאר זי ווערט ערגער פון וואך צו וואך, פון טאג צו טאג.

צום הילפס־קאנגרעס אין אייראפא

(פון אונזער ספעציעלען קאפענהאגענער קארעספאנדענט ש. פאן)

די אידישע דעלעגאציעס ביי דער שלום־קאנפערענץ אין פאריז האט צו־שיקט איינלאדונגען צו אלע אידישע הילפס־קאמיטעטען פון אייראפא און אמעריקא אויפפאדערנדיג זיי, אז זיי זאלען שיקען דעלעגאטען צו אן אלגע־מיינעם הילפס־קאנגרעס, וועלכער דארף פאר־קומען אין ציריך.

צו דער דאזיגער הילפס־קאנגרעס וועט ווירקליך פארקומען, איז נאך א גרויסע פראגע. ביז היינט צו טאג — לערך צוויי וואכען ... — איז נאך ווייניג וואס געהערט געווארען וועגען די הכנות, וואס די איניציאטארען האבען געמאכט כדי די קאנפערענץ זאל טאקע אפגעהאלטען ווערען. דאס איז אבער נישט גאנץ וויכטיג. יעדענפאלס וועט דער הילפס־קאנגרעס פאר־קומען דעם קומענדען פריהלינג און ס'איז דערום וויכטיג זיך אביסעל גענויער אפ־צושטעלען איבער אט דער זעהר אקטועלער פראגע.

הילפס־קאנפערענצען, באראטונגען און צוזאמענפאהר וועגען דעם וועלבען ענין, זענען שוין פארגעקומען פיעל מאל, סיי אין אייראפא סיי אין אמעריקא זע־נען פאר די לעצטע עטליכע יאהר שוין פארגעקומען פיעל מאל. דאך האט קיין שום צוזאמענפאהר נישט גאנץ ערנסט און אויספירליך באהאנדעלט די פראגע ווי אזוי מען זאל צוריק אוועקשטעלען דעם ווירטשאפטליכען, עקאנאמישען און מאטעריעלען באזיס פון די אידען אין די מלחמה לענדער, וועלכע זענען פול־שטענדיג רואינירט געווארען און א גרוי־...

די אידען אין די מלחמה־לענדער האט בען זיך שוין נישט איינמאל געבעטען ביי זייערע אמעריקאנער „רייכע פע־טער'ס“: גיט אונז נישט קיין נדבות, העלפט אונז בעסער פארשאפען די מעג־ליכקייט אויף צו עקזיסטירען פון אונ־זער אייגענער ארבייט!

די אידען אין מזרח־אייראפא, וועלכע האבען געליטען פון דער מלחמה, נויטי־גען זיך נישט אין קיין נדבות, זיי ווי־לען מען זאל זיי העלפען ענטוויקלען און פארזיכערען זייער עקאנאמישען מצב. פראדוקטיווע הילף, אט דאס איז די לאזונג היינט צו טאג ביים אייראפעאישען אידענטום.

די אידען פון פוילען, גאליציען און ליטא, דארפען האבען רויה־מאטעריא־לים צו דער ארבייט, מאשינען און א קליינעם קרעדיט; אט דאס דארף זיין די הילף פאר זיי, מיט דערמיט וואס מען וואלט זיי פארשאפט אט די דערמאנטע נויטווענדיגע זאכען אויף איינער אדער צווייטער וועג, וואלט מען דעם אייראפעאי־שען אידענטום געגעבען די מעגליכקייט צו היטען זייער עקזיסטענץ אויף תמיד.

שוין נישט אין סקאנדאל איז פאר־געקומען אין פוילען ווען מען האט פאר־טיילט די הילפס־געלדער אין דער פארם פון נדבות און אזוי ארום ממש נ ע ־ ...

... אידישער קליין־הענדלער זאל קענען אנ־פיהרען זיין ארבייט און אזוי ארום זיך זיכערען זיין עקזיסטענץ.

לאמיר אבער האפען, אז דער הילפס קאנגרעס אין ציריך וועט דאס גוט פאר־שטעהן און אנפירען די ארבייט אין דער דאזיגער ריכטונג.

קען זיין א נאצ. ליעג אהן אמעריקא

גרעסטע פראנצויזישע צייטונג קומט ארויס מיט אן ארטיקעל צווייפ־לענדיג אין ערפאלג פון דער ליעג. — זאגט אז אמעריקא'ס טראדיציע וועט זי פארניכטען, זאגאר נאך דעם ווי דער סענאט וועט זי אנ־נעמען.

(פון א קארעספאנדענט צו דער ניויארק „טאימס“).

כמעט אין אלע פאריזער פאליטישע קרייזען געהען איצט אן היציגע דעבאַטען, וועגען דער צוקונפט פון דער נא־ציאנאַל ליעג. ביי דעם עקזעקוטיוו קאונסיל וועלכער האט אפגעהאלטען זיין ערשטע זיצונג, איז פון די דעבאטען גע־ווען צו זעהן, דאס מיט ווייניג אויסנאה־מען, האבען די ענגלישע גרויסע האפנונ־גען אז די ליעג וועט זיין אן ערפאלג, ווערענד אין פראנקרייך גלויבען כמעט אלע, אז די גאנצע ארבייט איז ארויס־...

... דעם נאמען אין אלע הינזיכטען. די פראנ־צויזען ווידער פון דער צווייטער האנט האלטען, דאס זאגאר ווען אמעריקא זאל ראטיפיצירען דעם טראקטאט, האט זי שוין גענוג דייטליך באוויזען אז זי וועט קיינמאל נישט ברענגען די קרבנות, וואס די פראנצויזען גלויבען צו זיין דרינגענדע נויטווענדיגקייט פאר דעם ערפאלג פון דער ליעג.

א קלארען אויסדרוק צו דער אויבענדערמאנטער מיינונג פון די פראנ־צויזישע פאליטישע קרייזען, ווי אויך די פראנצויזישע עפענטליכער מיינונג, האט געגעבען אין אן ארטיקעל ...

... צווּאונגען א גרויסע צאהל בכבוד'ע בעליהבתים און בעלי־מלאכות צו ווערען פראפעסיאנעלע שנאררערס.

מען טאר פונ'ם פאקט נישט אוועק־געהן: פאר די אידען אין די מלחמה־לענ־דער דארף מען האבען פראדוקטיווע הילף, העלפען פארפעסטיגען, ווי שוין גע־זאגט, זייער עקאנאמישען און ווירטשאפ־טליכען מצב און נישט שענקען זיי נדבות!

אט דאס זענען די הויפט־פונקטען פון די וויכטיגסטע פראגען, וועלכע דארפען שטעהן אויפ'ן סדר היום פון דעם קומענ־דען הילפס־קאנגרעס. ווילען דאס די אי־ניציאטארען פונ'ם קאנגרעס פאר־שטעהן, דאן קען מען האפען, אז אין דער צו־קונפט וועט די אידישע הילפס־טעטיג־קייט פאר דעם מזרח־אייראפעאישען אידענטום ארגאניזירט ווערען און דאס וועט זיכער ברענגען גוטע רעזול־טאטען און געבען א האפענונג, אז אין דער צוקונפט, וועט מען נישט מעהר דארפען געבען נדבות צו די אידען אין פוילען, נאר פארקעהרט, — דאן וועלען ...

„וועטער־נביאות און אנדערע נביאות“

(פעליעטאן) פון עליאש

א מיטגליעד פון אמעריקאנער קאנ־גרעס האט אריינגעבראכט אין קאנגרעס א „ביל“ קעגען „וועטער־נביאים“; דער נביא, זאגט ער, טרעפט נישט; אז ער פאר־שפרעכט זונשיין, רעגענט, און אז ער זאגט פאר רעגען, איז א שעהנער, לייטערער טאג. ...

שענדליכע מעטאדען פון אנ־טיסעמיטישער פראפאגאנדא אין דייטשלאנד

...

איך שולדיגער אינ'ם פארברעכן געגען דעם לונעווילער רב.

לויט ווי מע איז מודיע פון פאריז, האט מען דארט צוזאמענגעשטעלט נאך א נייע ליסטע פון דייטשע מיליטער־פיהרער וואס דארפען ארויסגעגעבען ווע־רען דער קאאליציע צוליעב זייערע פאר־ברעכענס בשעת דער מלחמה.

צווישען אנדערע ווערט געפאדערט גע־פאדערט ארויסצוגעבען דעם גענעראל סע־רינגער, ווייל ער האט פארברענט לע־בעדיגערהייד אין סינאגע דעם רב פון לונעוויל און זיין טאכטער.

אן אנפראגע וועגען אידישע רעגירונגס־באאמטע אין ליטא.

אויף א זיצונג פון דער ליטווישער טאריבא (פארלאמענט) האבען די אי־דישע דעפוטאטען באריכט די פראגע, וואס אידען ווערען נישט אנגענומען אויף מלוכה־פאסטענס.

בריעף אין רעדאקציע

וועגען „2 מתים אין איין קבר"

גערהערטער רעדאקטאר!

ערלויבט אונז צו פארנעהמען א שטיקעל פלאץ פון אייער ווערטהער צייטונג פאר די פאלגענדע צייליען:

דעם 5־טען מארץ איז געווען גע־דרוקט אין אייער ווערטעל צייטונג א לאנגער רעפארט פון איינעם מר. ריווקין וועגען בעי סימי אונטער'ן קלינגענדען נאמען „צוויי קברים און איין מת," וואו ער דערצעהלט דראמאטיש ווי אזוי 2 קברים זיינען געגראבען געווארען פאר איין מת, ווי אזוי מען האט זיך ארומגע־ריסען וועגען אט דעם ברמינן א. ז. וו. א. ז. וו.

מיר די אונטערצייכענטע זיינען באַ־פולמעכטיגט היערמיט צו לאזען וויסען אז עס איז לא דובים ולא יער, ניט עס זיינען געווען 2 קברים און ניט קיין ריי־סערייען.

אט ווי עס האט פאסירט:

פרייטאג דעם 27־טען פעברואר איז דא נאך א קורצע קראנקהייט געשטאר־בען אן אלטער מאן וועלכער האט גע־לאזען א ירושה פון עטליכע טויזענט דא־לאר פאר זיינע זוהן וועלכע זיינען — אגב אורחא — רייכע לייט.

מיטוואך דעם 25־טען פלב. ה. ה. 2 טעג פאר זייער פאטערס טויט — זיינען די זוהן געקומען צו אונז רעדען וועגען קבורה־געלט ניט פארפעהלענדיג אונז צו סטראשען דאס זיי וועלען לעגען זייער פאטער אויף דעם נייעם בית־עולם וואו זיי קענען קריגען בילינ. אלס ענטפער האבען מיר זיי אויסגעמוסר'ט פאר זייער רינגען קבורה־געלט זא לאנג זייער פאטער לעבט און זיי געהייסען געהן בעסער אויפ־פאסען אויף זייער קראנקען פאטער.

פרייטאג ווען זייער פאטער איז געשטאר־בען זיינען זיי ווייטער געקומען צו אונז און געבעטען 50 דאלאר אלס קבורה־געלט סטראשענדיג ווייטער דאס אויב מיר וועלען פערלאנגען מיט איין סענט מעהר ווי דיעזע סומע זיינען זיי גרייט צו לע־גען דעם בזמינן אויפ'ן נייעם בית־עולם. מיר האבען זיי גאנץ העפליך ערקלערט דאס וועדליג נאך זייער שטאנד — שוין ניט רעדענדיג פון דער ירושה וואס זיי קריגען — איז דאס ווייניג און דאס מיר וועלען פאר דיעזער סומע ניט מקבר זיין. מיר האבען דערביי ניט פארפעהלט זיי אנצוזאגען אז לעצטען יאהר ווען זייער אן ארימער ברודער איז געשטארבען, האט אונזער חברה קדישא געטראגען איבער הונדערט דאלאר אויסהאלטענדיג פריי אלע פיונעראל עקספענס, אזוי ווי מיר טוען ביי אנדערע ארימע ברמינן'ס.

אונזערע ווערטער האבען פארפעהלט דעם ציעל און די אבלים — ברידער זע־נען אוועק און אפגעערדט מיט די פאר־שטעהער פון דעם נייעם בית עולם.

דאס איז די גאנצע געשיכטע בלי כחל ובלי סרקל.

מיר בעטען העפליך מר. ריווקין דאס ווען ער וועט האבען א צווייטען מאהל א געלעגענהייט צו באזוכען אונזער שטאט אין פריידען, זאל ער אזוי גוט זיין די זאך אונטערזוכען וועט ער אויסגעפינען דאס זיינען פלימעניקעס די ברידער אבלים האבען איהם מיאוס אפגענארט.

מיט אכטונג און דאנקענדיג אין פאר־אויס פערבלייבען מיר

אייערע איבערגעבענע

אינ'ם נאמען פון די אפיסערס פון די אלטע ה. קדישא איז בעי סיטי

יוסף מארינטאל פרעז.

דוד לומרין, וויס פרעז.

וועגען העמטרעמקער תלמוד תורה.

I

ווערטהער רעדאקטאר פון „וועג".

מאנטאג דעם 15־טען מארטש איז אין אייער צייטונג געווען אפגעדרוקט א בריעף, געצייכענט פון איינעם א „העמט־רעמקער".

וואלט יענער איד, וועלכער פארזי־כערט אונז אז ער איז א העמטרעמקער, ווירקליך געווען פאראינטערעסירט מיט דער פראגע פון געבען די העמטרעמקער אידישע קינדער א אידישע ערציהונג, האט ער געדארפט ארויס מיט זיין ריכ־טיגען נאמען און דאן וואלטען מיר גע־קענט אורטיילען, אויף ווי ווייט אמת עס איז זיין באהויפטונג, אז ער איז איי־נער פון די וואס האבען געגרינדעט די העמטרעמקער תלמוד־תורה.

אזוי ווי ער האט עס אבער ניט גע־טאן, זיינען מיר געצוואונגען צו צווייפ־לען אין דער אויפריכטיגקייט פון יענעם בריעף־שרייבער.

דער גאנצער טאן פון יענעם בריעף טראגט א צישטערענדען כאראקטער. קודם, כל מאכט ער דארטען א גאנץ אריגי־נעלע באהויפטונג, אז די העמטרעמקער תלמוד תורה איז אונטערגעגאנגען ניט חלילה דערפאר, ווייל עס האט געפעהלט געלט, נאר ווייל עס איז געווען צופיעל געלט.

ווייל איך פרעגען יענעם בריעף שריי־בער: האט איהר שוין א מאל געהערט אז א אינסטיטושאן זאל אונטערגעהן דורך צופיעל געלט? פאר מיר איז דאס א נייע „אמעריקא" ענטדעקט. און ניט אכטענדיג וואס איהר פארזיכערט דעם עולם, אז עס האט זיך מיט דער הילף פון טויזענד דאלאר (מיט א סך א סך פינטעלאך) אויסגעלאזען פון דער העמט־רעמקער תלמוד תורה דאס, וואס עס לאזט זיך אויס אין „עהנליכע פעלע" קען איך אבער אלץ ניט פארשטעהן, וואס איהר מיינט מיט אייערע פינטע־לאך. מיינט איהר אפשר צו זאגען, אז אינסטיטוציעס געהען אונטער נאר דער־פאר, ווייל זיי האבען צו פיעל געלט? אויב דאס איז די כונה פון אייערע פינטעלאך, דאן איז עס איינס פון די ביידען: אדער א נייע ענטדעקונג, וואס וועט אנמאכען א רעשם אין דער וועלט, אדער, במחילה, סתם א פלוידעריי.

איך וואלט אויך געוואלט פרעגען יע־נעם בריעף־שרייבער: ווען האט מען עס גערעדט, אז די העמטרעמקער תלמוד תורה זאל טראגען דעם נאמען „נאציא־נאלע שולע"? אויב איהר זענט איינער פון די גרינדער, ווייסט איהר דאך מן הסתם, אז די תלמוד תורה איז געווען געגרינדעט מיט א שוחט און ניט מיט זיין ראדיקאלער ארגאניזאציע.

און נאך א זאך: צוגעגעבען, אז מען האט, ווי דער שרייבער זאגט — גע־פלאנט, אז די העמטרעמקער תלמוד תורה זאל זיין אן אנשטאלט, וואו קינ־דער זאלען ערצויגען ווערען אין מאדער־נעם גייסט, ווייס אבער יענער בריעף־שרייבער (אויב ער איז ווירקליך איינער פון די גרינדער) פון דעם פאקט, אז מען האט זיך געדארפט אויסקוועטשען הנע־לען מיט 13 יאהריגע בחורים, וואס האבען קיין צורת אלף ניט געוואוסט? ווי אזוי האט דא געקענט זיין א רייד פון ערציהען אין מאדערנעם גייסט, אז די ערשטע פון אלע אויפגאבען איז גע־ווען אויסצולערנען גרויסע קינדער דאוו־נען.

דער אמת איז, אז די תלמוד תורה אין העמטרעמקע איז אונטערגעגאנגען, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין געלד־מיטלען. דאס וואס מען האט אנגעשטעלט א שוחט צו לערנען מיט די קינדער, איז עס ניט געווען מיט דער הילף פון 1,000 דאלאר מיט א סך פינטעלאך, נאר ווייל דער לעהרער, וואס איז געשטאנען איי־דער מען האט אריינגענומען דעם שוחט, איז געווען געצוואונגען אוועקצוגעהן ווייל עס איז ניט געווען פון וואנען איהם צו צאהלען שכר־לימוד.

עס איז לייכט ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט מיט פינטעלאך און מיט ניט געשטויגענע ניט געפלויגענע בא־הויפטונגען, ווען מען באהאלט זיך אונ־טער א פארשטעלטען נאמען.

האפענטליך ווערטער רעדאקטאר, אז איהר וועט למען האמת הדוקען דיעזען בריעף, פארבלייב איך מיט אכטונג, אייער שטענדיגער לעזער.

ה. ריבקין

א בריעף פון דאוויד האראאק

אונזער לעזער מר. סעם קוטניק פון 270 לילענד האט באקומען פון זיין ברו־דערס זוהן א בריעף וואס לעזט זיך ווי פאלגט:

מיט 2 וואכען צוריק האב איך איך געשריעבען א בריעף אין וועלכען איך האב אביסעל פארגעשטעלט די קריטישע לאגע פון מיינע עלטערן. יענעם בריעף האב איך געשריעבען אהן דעם וויסען פון מיינע עלטערן, ווייל זיי זענען זעהר נגעגע דעם און ווילען ניט מצער זיין איך. יעצט אבער איז די לאגע אויף אזוי פיעל פערערגערט געווארען אז זיי אליין בעטען מיר צו שרייבען אייך. זיי בעטען מיר, ווייל אליין שרייבען איז זיי זעהר שווער.

איך קען אייך גאר ניט אויסשרייבען ווי שרעקליך עס האט זיך פערערגערט די לאגע פאר די לעצטע 2 וואכען. היינט האבען מיר געגעסען ברויט וועלכער איז געבאקט געווארען פון 4 מינים; פון קארן, פון האבער, פון רעטשקע און פון כערשטען, די ביסעל כוס, וואס מען נעמט אין דער קיך, וועלכע איז געעפענט גע־ווארען פאר דער ארימער באפעלקערונג דורך דעם תיגען אמעריקאנער קאמיטעט — סטייעט נאר פאר די קינדער און דער פאטער מיט דער מוטער פערזוכען גאר קיין געקעכץ ניט אויסער געזאָרענע וואַ־סער צום ברויט. ווען איהר וואלט א קוק געטאן אויפ'ן טאטען, וואלט איהר איהם זיכער ניט דערקאנט צוליעב זיין שלעכ־טען אויסזעהן און פערעלטערקייט. ער איז גרוי און קראנק נאר פון זארג און הארץ־ווייטאג זעהענדיג אז דער הונגער ווערט וואס ווייטער און ווייטער אלץ מעהר אנגעפעדערט נאסט ביי אונז. די מוטער איז אויך זעהר קראנק, נאר אקער־גען פאטער הייזט די שוין איס א העל־דין. צו די אלע צרות איז נאך איצטער ביי אונז זעהר גרויסע פרעסט און אין שטוב איז שרעקליך קאלט, ווייל ס'איז ניטא קיין האלץ צו הייצען.

צוליעב די גרויסע קעלטען איז די לעצטע צייט קראנק געווארען אונזער קליינינקע ראנעדזיזעלע. זי איז געפער־ליך און ס'איז ניטא מיט וואס צו היי־לען איהר.

פון דאס אלעס קענט איהר ארויס־זעהן און פארשטעהן ווי גליקליך מיר האבען זיך געפיהלט ערהאלטענדיג מיט א וואך צוריק אייער בריעף אין וועלכען איהר שרייבט די פרעהליכע בשורה אז איהר האט אונז ארויסגעשיקט געלד. [illegible] דאס איז אונזער איינציגע האפ־נונג און לעצטע האפנונג ביי דער לעצ־טער צייט. עס איז באלד פרעהליך גע־ווארען און ליכטיג געווארען אלעמענס פנים'ער. יעדער איז זיך [illegible] און א באזונדער ווינקעלע און האט זיך געשמאק אויסגעווייינט פון גרויס שמחה. דאס איז ניט קיין פראזען נאר דער ריינער און ווייליגער אמת. און פון דאן אן ווארטען מיר פון טאג צו טאג אויפ'ן טשעק אדער אויף די געלד און ס'איז ניטא.

שרייבט אונז דורך וועלכען קאמיטעט אדער קאנטאר האט איהר געשיקט. אפשר וועלען מיר נאך קענען ערהאלטען. איהר פרעגט אין אייער בריעף וועגען אייער מוטער און שוועסטער עטיל. [illegible] צום גרויס באדויערן קענען מיר אייך גארניט מודיע זיין וועגען זיי, ווייל מיר ווייסען וועגען זיי גארניט צוליעב דעם ווייל קיין בריעף געהען ניט צו זיי.

מיר בעטען אייך איהר זאלט איבער־געבען דעם פעטער ברוך־שלמה'ן, אז ער זאל זיך ניט פערגעסען אן זיינע עלטערען וועלכע זיינען קראנק און שמאכטען פון הונגער, און נאמען פון מיינע עלטערען, אייער ברודער און שוועסטער, און אין נאמען פון אייערע אויסגעמאטערטע הונ־געריגע פלימעניקלאך בעט איך אייך [illegible] האבען אויף אונז און ניט פער־געסען אונז אין א שלעכטער צייט. שטיצט אונז מיט פיעל עס איז מעגליך. אפשר וועט נאך ג' העלפען און באקו־מענדיג פון אייך א גרויסע סומע געלד וועלען מיר אנהויבען עפעס טאן און זיך שטעלען צוריק אויף די פיס. שטיצט וואס גיכער, כדי עס זאל ניט זיין צו שפעט.

פערבלייבט. געזונד און זייט גע־בענטש פון ג' מיט געזונד, פרנסה און גליק, אלע גריסען אייך הערצליך. גיט איבער א הערצליכען גרוס צו ברוך שלמה'ן מיט זיין פאמיליע.

פון מיר אייער פלימעניק פ. קוטניק.

אין די סענאטס שפייזען

קומט אריין דער דזשעניטאר און זאגט:

— דער לענדלארד וועט אייך באלד רייזען צעהן דאלאר א חודש אויף די רענט.

— פון וואנען ווייסט איהר?

— וועלל, צוריק מיט זעקס מאנאט האט ער מיר געהייזט פופציג סענט א מאנאט אויף מיינע ווידזשעס, האט ער געהייזט יעדען פון די זעקס און צוואנ־ציג טענענטס צו פינף דאלאר א מאנאט. היינט האט ער מיר געהייזט א גאנצען דאלאר וועט ער די 26 טענענטס רייזען צו צעהן דאלאר א מאנאט.

און אזוי איז געווען.

דאס איז עפעס אנדערש

פרוי (צום מאן) — עס איז געווען א גנב אין שטוב, און ער האט גענומען מיין דזשולערי.

מאן — נו, עס איז שוין פארפאלען, דער גנב איז אנטלאפען.

פרוי — און ער האט מיטגענומען אונזער צוקער.

מאן — אוי גוואלד, מערדער, וואו איז דער גנב?

אריה לייב שפילקע

א פראגע

וועלכער דאקטאר האט נאך קיין מענ־שען ניט געטריבען אין קבר דורך זיינע מעדיצינען?

— דער טהיער ארצט.

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

פליכטלינגע פון ארץ ישראל קאנען צוריקקעהרען.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין אמעריקא מעלדעט, דאס עס איז איהר אויך געלונגען צו ווירקען אויף די ענגלישע אויטאריטעטען צו פאָדערונ־גערען דעם צוריקפאהר פון אלע ארץ ישראל'ער פליכטלינגע, דורך איינפיה־רען נייע פאראהרדנונגען.

די אלע, וועלכע האבען געוואהנט אין ארץ ישראל פאר דער קריעג, זיינען אהער געקומען אין צייט פון קריעג און ווילען איצט צוריקפאהרען, זאלען זיך ווענדען, מיטברייגגענדיג אלע זייערע פא־פירען, צום עקזעקוטיוו דעפארטמענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואו זיי וועלען קריגען די נויטיגע אויס־קינפטע און אלע הילף, אין אנקלאנג מיט די נייע פאראהרדנונגען און קאנדי־ציעס אין וויזי־ען די פאספארטען פאר ארץ ישראל.

דזשאינט דיסטריביושאן קא־מיטע באגריסט איהר טשער מאן פעליקס מ. וואָרבורג צו זיין זילבערנער חתונה.

צום ערשטען מאל אין 5־יאהריגער טע־טיגקייט פאר די אידישע מלחמה־קרבנות האט די דזשאינט דיסטריביו־שאן קאמיטע געבעטען אננענומען א פריי־ערליכע רעזאלוציע פון הערצפערזענלי־כען כאַראקטער. דאס איז געווען א רע־זאלוציע פון באגריסונג צום טשערמאן פון דער קאמיטע, דעם באקאנטען פי־לאנטראפ און געזעלשאפטליכען טוער מר. פעליקס מ. וואָרבורג לכבוד זיין זיל־בערנער חתונה. די רעזאלוציע לייענט זיך ווי פאלגט:

„די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע פון די געלדער פאר די אידישע מלחמה־ליידענדע האט פארמאל אנגענומען פאל־גענדע רעזאלוציע, וואס דריקט אויס איהרע געפיהלען לכבוד דער זילבערנע־חתונה פון הערר און פרוי פעליקס מ. וואָרבורג, דעם 13־טען מע־ז 1920.

„אין די שווערע יאהרען פון יסורים, וואס די וועלט־מלחמה האט געבראכט, האט דאס אמעריקאנער אידענטהום דער־קענט זיין פליכט צו די ברידער איבער'ן ים אין נויטפאלל־ט אויף זייער געשריי פאר הילף מיט דעם ברייטסטען און פריי־גיבינסטען גייסט.

„מענשליכקייט, ברידערליכקייט און רעליגיע האבען זיך פאראייניגט אין איין שטימע, און די הערצליכסטע סטרונעס פון די אמעריקאנער אידען זענען בא־רירט געווארען פון דעם גייסט וואס האט זיי פאראייניגט אין דער פליכט פאר הילף.

„אלס טשעירמאן פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע פון די אמערי־קאנער געלדער פאר די אידישע מלחמה־ליידענדע, האט מר. פעליקס מ. וואָר־בורג מיט א ברייטער האנד אויסגע־טיילט זיינע געשאנקען פאר דעם גרוי־סען צוועק. דער גרעסטער פון אלע זיי־נע געשאנקען איז געווען זיין אונער־מיעדליכע, אנגעשטרענגטע און ליעבע־פולע איבערגעבענהייט, מיט וועלכע ער האט גענומען די שווערע פליכטען פון זיין אמט, אלס טשערמאן פון דער קאמי־טע.

„די מיטגליעדער פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האלטען דאריבער פאר פאסענד ביי דיזער געלעגענ־הייט אויסצודריקען זייערע געפיהלען פון ליעבשאפט צו זייער טשערמאן, פאר־פליכטענדיג זיך ווייטער אנצוגעהן מיט זייער געטרייער דיענסט פאר דעם גרוי־סען צוועק, שטרעבענדיג צו דער־גרייכען די הויכע שטופע פון אויפאפפערונג און זעלבסט־פארלייקענונג פון דעם, וועל־כער שטעהט אונפארגליכען צווישען זיי.

„זאלען אלע ברכות קומען אויף די קעפ פון דעם מאן און פרוי, וועלכע ציי־כענען זיך אזוי אויס אין אמעריקאנער אידענטהום מיט זייער ליעבע צו מענ־שען און דער איבערגעבענהייט צו זייער פאלק.

„די דאזיגע רעזאלוציע איז איבערגע־לאנגט געווארען צו מר. וואָרבורג אין א פראכטפולען בוך, קינסטלעריש איבער־געפירט אויף פארמעט.

די בריטישע ארמיי אין פאלעסטינא

אינ'ם ענגלישען פארלאמענט האט מר. ווינסטאן טשארטשיל, דער ענגלי־שער קריגס־מיניסטער ערקלערט דעם 23־טען פעברואר, אז פאלעסטינא נוי־טיגט זיך אין 10000 ווייסע סאלדאטען און 13 טויזענד אינדיאנער טרופען, עס איז וויכטיג צו באמערקען אז די זעלבע צאהל חיל (ד. ה. 9000 ווייסע און 14 טויזענד אינדיאנער) דארף מען האבען אין קאנסטאנטינאפעל און זיינע אומגע־בונגען און בלויז 16 טויזענד פאר דער [illegible]. גרויסע ארמייען ברויך מען נאר פאר מעסאפאטאמיען (17000 ווייסע און 44000 אינדיאנער) און פאר עגיפטען (6000 ווייסע און 20000 אינדי־אנער אחוץ דעם געוועהנליכען גארניזאן).

א נייער אידישער פארלאג אין וויען.

אין וויען איז געגרינדעט געווא־ען א אידישע פארלאג „דער קוואל" די גרינ־דער זיינען ליטעראטען און פאכמענער. דער פארלאג גיט ארויס אין דער נאהנ־טער צייט פיער ביכער סעריעס 1) פון מענש צו מענש (אויפקלערונגס ביכלעך, געזאמעלט פון דער וועלט ליטעראטור) 2) פון פאלק צו פאלק (איבערזעצונגען פון דער שיינער ליטע־ראטור) 3) פון אייגענעם קוואל (שריפטען פון אייגענע מחברים) 4) א אויסגאבע „אידישע פאלקס־ביבליאטעק".

אין דעם זעלבען פארלאג געהט ארויס פון יאנואר אן א חודש־העפט מיט'ן נא־מען „קריטיק" אונטער דער רעדאקציע פון משה זילבורג.

פאגראם־פראפאגאנדא אין דרום־רוסלאנד

דאס לאנדאנער איד. קארן ביורא האט ערהאלטען אן עקזעמפלאר פון דער רוסישער צייטונג „וו'סאסקוואו" וועלכע ערשיינט אין ראסטאוו אונטער דער השגחה פון דעניקינ'ס מאכט. די צייטונג איז פול מיט אנטיסעמיטישער פאגראם־פראפאגאנדא און באשולדיגט די אידען אין שטיצען די באלשעוויקעס.

אויף דער ערשטער זייט געפינט זיך א נאטיץ פון דער רעדאקציע אין וועל־כער עס ווערט ערקלערט אז קיין אידען נעמען נישט קיין אנטייל אין דער צייטונג און וועלען אויך נישט קיין אנטייל נעמען אין דער צוקונפט.

בּ עסער ווי פוטער, געזונטער פון שמאלץ, איז מאזאלא אין באקען אדער פרעגלען. און פאר סאלאדס איז עס אזוי גוט ווי די בעסטע און טייער־סטע אליוו אויל — און עס קאסט העלפט געלד.

מיט מאזאלא איז אייער געבעקס פארעווע. איהר קענט עס עסען מיט מיל־כיגע און מיט פליישיגע שפייזען. וועגען די כשרות איז גאר קיין צווייפעל ניט — דער הכשר פון רב הכולל גאראנטירט עס.

מאזאלא איז געמאכט פון דער הארץ פון די פיינסטע קארן, און עס איז אזוי ריין, אז אלע שפייזען וואס ווערען געמאכט מיט מאזאלא זיינען לייכט צום פארדייען.

פרעגט אייער שכנטע וועלכע יוזט מאזאלא.

Corn Products Refining Co.
17 Battery Place
New York City

MAZOLA

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

דורך דער

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר איך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלארס.

קעדילאק 2061

די בארימטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע און לאנג קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. אדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קיק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע אדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

אפיס: 49־347 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: טשערי 3715.

צו די אידישע פרויען אין דעטראיט

פון ב. י. ג—ן

איך האב מיט שפאנונג אויסגעהערט ווי א מיטגליעד פון דער דעי נורסערי, מרס. מערי בעידער האט געשילדערט די אומגליקליכע לאגע פון צוויי אידישע קינדער, וואס געפינען זיך אין א קריסטליך הויז.

לכתחלה האב איך דיעזע טרויעריגע שילדערונג אויסגעהערט אהן שטוינען. עפעס ווי דאס וואלט געווען א גאנץ נאטירליכער ענין: צוויי קינדער, יתומים מן הסתם, זיינען אריינגעפאלען אין דעם רשות פון אונזערע וואהלהאבענדע רעפארמירטע יאהודים, פילאנטראפען; די יאהודים האבען ארויסגעשיקט אן אגענט איבער'ן שטאדט און דער אגענט האט אויסגעפונען א גוי'ש וואס איז מרוצה געווארען צו צונעהמען די צוויי אידישע קינדער אויף "באדאוואניע".

דארף מען זיך נאר אריינטראכטען אביסעל אין דער פסיכאלאגיע און מצב פון אזא מין פרוי.

לאמיר זיך נאר נישט נארען: א באלעבאטישע קריסטליכע פרוי וועט קיין פרעמדע קינדער נישט נעהמען צו ערציהען ספעציעל ווען זי האט אייגענע קינדער.

און וועט זי — לאמיר צוגעבען — דאס יא טאן, וועט זי דערפאר קיין באצאהלונג נישט נעהמען.

און וועט זי יא מוזען אנקומען צו באצאהלונג, וועט זי קיין אידישע קינדער נישט נעהמען.

ווען א קריסטליכע פרוי נעהמט זיך אונטער פאר — מסתמא נישט רייכען — באצאהלונג צו "אטענדען" צוויי אידישע קינדער, איז זי מסתמא אזא פרוי וואס אינטערעסירט זיך נישט מעהר ווי מיט דעם באצאהלונג, און דאן איז שוין אז אך און אז וועה צו די יתומים וואס פאלען אריין אין איהרע הענט.

דאס אלעס איז מיר אין אלעמען גוט פאראויס און דערום האב איך זיך נישט געוואונדערט הערענדיג פון דער דערמאהנטער מרס. בעידער וועגען דעם אז די קינדער זיינען מעהרערע מאל געווען הונגעריג; אז זיי פלעגען פון איהרע הענט כאפען א ברעקעל "קעיק" און עהנליכע אזעלכע הארץ רייסענדע שילדערונגען.

נישטא זיך וואס צו חידוש'ן דערויף.

כל זמן עס וועט נישט זיין קיין דעי נורסערי אין דעטראיט וועלען קינדער אונטער פיער יאהר אלט זיך וואלגערען אין גוי'אישע הייזער און וועלען זיך פלאגען.

עס האט מיך אבער שפעטער איבערראשט. ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז די קינדער האבען אי א מאמען און אי א טאטען, וועלכע וואהנען דא אין שטאדט.

און דא האבען זיך מיר שוין גענומען מישען און געדאנק פארשיעדענע פראגען:

די עלטערען זיינען דאך מסתמא נישט אומערפארמדיגע. וואס האט זיי געטריבען אפצורייסען פון זיך די קינדער און אריינגעבען זיי אין גוי'אישע הענט?

די עלטערען זיינען ארים.

אוודאי.

קיין רייכע טאטע מאמע וועלען דאך נישט אפלאזען פון זיך זייערע קינדער. האבען זיך מסתמא די עלטערען געמוטשעט מיט די קינדער אזוי לאנג ביז זיי האבען שוין מעהר קיין כחות נישט געהאט צו מוטשען זיך און די קינדער אפגעגעבען צו דעם ערשטען בעסטען, וועלכער האט זיי געוואלט צו נעהמען.

וואו זשע איז דאס אידישע דעטראיט?

ווארום האט דאס אידישע דעטראיט דערלאזט הערצו? ווארום האט עפעס א אידישער צדקה פאראיין נישט געשטיצט די אומגליקליכע פאמיליע אזוי, אז זי זאל נישט דארפען די קינדער איבערגעבען אין א קריסטליך הויז? — ווארום?

און ווארום ראטעוועט יעצט דאס אידישע דעטראיט נישט ארויס די צוויי קינדער און שטיצט נישט די עלטערען פון די קינדער?

און ווארום אינטערעסירט מען זיך נישט אין אלגעמיין מיט דעם גורל פון די צוויי קינדער וואס דאס אידישע דעטראיט לאזט אפ'שמד'ן, נאר דערפאר וואס מען שטיצט נישט קיין ארימע, אדער קראנקע פאמיליע?

אט, ווי פארהאסט גלייכגילטיג עס איז דאס אידישע דעטראיט צו אזעלכע שרעקליכע פאלען?

און נאך איצט קען מען פארבאטען: צוויי אידישע קינדער וואס האבען טאטע מאמע וואלגערען זיך אין א גוי'אישער הויז. די קינדער האבען טאטע מאמע. מען מוז די קינדער וואס גיכער ארויסראטעווען פון די גוי'אישע הענט און זיי צוריק געבען זייער מוטער און זייער פאטער.

ווער וועט זיך פאראינטערעסירען מיט דעם גורל פון דיעזע צוויי קינדער?

אלע פון איין לאדזש

א יונגער דאקטאר וואס האט נים לאנג צוריק "גענענדיגט" האט דורך דער פערמיטלונג פון א רייכען אנקעל באקומען א'שטעלע אין א לאדזש אלס דאקטאר.

נים לאנג צוריק האט מען זיך ארומגעזעהן אז פאר אלע מעמבערס פארשרייבט דער דאקטאר איינעם און דעם זעלבען רעצעפט. ווען מען האט ביי איהם געפאדערט אן ערקלעהרונג האט ער געענטפערט:

— וועל, זיי זענען דאך אלע פון איין לאדזש.

יואל באקשטיין

זיין שרעק

מען האט געפרעגט א גרינעם אידען אויב ער האט געהאט א רוהיגע רייזע אויפ'ן ים.

— יא, עס איז געווען שטיל און רוהיג די גאנצע וועג, — האט ער געענטפערט.

— האט איהר גאר נים געהאט קיין שרעק?

— שרעק האב איך געהאט ווען איך בין געקומען אין עלים אײלאנד. —

זי איז נים שולדיג

א אידישע פרוי וואס האלט א כשרה הויז האט נים לאנג צוריק אריינגענומען א איירישע קעכין, און די ערשטע זאך וואס זי האט די קעכין אויסגעלערנט איז צו האלטען די פליישיגע געשיר אפגעזונדערט פון די מילכיגע.

איינמאל האט זי באמערקט ווי די גויה לעגט אוועק די פליישיגע לעפעל צוזאמען מיט די מילכיגע.

— מארגארעט! — האט די באלעבאסטע באמערקט, — איך האב דיר אנגעזאגט אז דו זאלסט די פליישיגע לעפעל נים לעגען צוזאמען מיט די מילכיגע.

— שור מעעם, — האט די איירישע געזאגט — אבער עס איז יעצט אלל ריחי. פאר די פליישיגע לעפעל האב איך שוין געהאט נעכטען מילכיג געמאכט.

ב. יסאלקינד

אינטעליגענטען

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

(פארזעצונג)

— צו זיין אפענהערציג מיט דיר! — האט בלאך ווייטער אנגעהויבען — איך האב זיך שוין לאנג געקליבען ד"ר דאס צו זאגען, נור עפים האב איך זיך נים געקענט פאסען קיין מוט. אבער יעצט וויל איך דיר דאס זאגען. איך האב דיך ליעב און איך וויל, דו זאלסט צושטימען און מיר וועלען חתונה האבען נאך א נאכט פריהער פאר די קינדער.

אניוטא איז ערשטוינט געווארען, עס איז געווען פאר איהר א צו גרוים גליק. זי האט געקוקט אויף איהם מיט אזעלכע מאדנע אויגען און האט געזיפצט איך איהם אויסצופארשען אויב ער מיינט טאקי אלעם ערנסט.

— נאך אלעם דעם וואס איך האב איך דערציילט האסטו — האט זי זאג נעגעבען — האט איהר פינגערסטע אויגען באשלאסען צו טאן אזא זאך! — די האט זיך צעוויינט.

— וואס זשע וויינסטו קינד? — האט ער אנגעהויבען זי צו בערוהיגען. גלייב מיר אז דו וועסט ביי מיר גליקליך זיין. איך בין שוין נים קיין אבטציען יעהריגער בחור, אמת — האט ער ווייטער פארטגעזעצט — אבער דאס איז גראדע א מעלה. עריסט אין מיינע יאהרען ווייסט מען ווי צו שעצען א פרוי. בערוהיג זיך און קום אריין אין מיר וועלען אנזאגען די קינדער.

— האט לאנג געשוויגען. ער איז געשטאנען העבען איהר. האט זי גענלעט און ענדליך, ווען זי האט זיך אויסגעטרייקענט איהרע פערלוינטע אויגען און האט א'הם צארט א גלעט געטאן איבער זיין געזיכט, האט ער זי פעסט אומארמט און איהר א קוש געטאן.

— דריי יאהר בלויז! — האט זי אין עטליכע מינוט ארום, בעת זי איז געזעסען אויף זיין שויס, א'הם א זאג געטאן — די דאזיגע דריי יאהר זענען פאר מיר געווען אן עביגקייט. אפט האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז מ'וועט שוין גלייבען א פארוואלקענטער אויף עביג.

— יעצט זאלסטו מעהר נים זארגען — האט בלאך געענטפערט. — דו וועסט ווערען מיין פרוי, די קינדער ליעבען דיך שוין פון לאנג, די ביסט געווען איבערגעבען צו זיי ווי יעצט און דערביי יאהר איך נאך נים איבערטראכטען, אז שפעטער, נאך דער חתונה וועט דאס אנדערש זיין; מכפה'לע און מישא האבען דיך ליעב ווי זייערע א שוועסטער. די וועסט זיך פיהלען גליקליך מיט זיי.

— איך וועל זיין גליקליך מיט זיי — האט אניוטא געענטפערט — ערמען. נור דו מוזט מיר פארשפרעכען אז די וועסט זיין גליקליך מיט מיר און מיין קינד! — זי האט זיך ווידער צער־וויינט — דו ווייסט דאך ווי פיעל איך האב אין מיין לעבען געליטען און איך גלייב דעם קינד, ווייל איך האב זי נים געוואלט ערמארדען און זיך.

— די ביסט א קינד! — האט בלאך זיך צעלאכט און האט איהר געענטפערט — איך גייט'ס זיך אין דיר פיעל מעהר און טאקי אויך צוליעב די קינדער. וואריים זשע דארף איך דיר נים שטעלען קיין פארדעדונג. אז דו זאלסט זיין גוט צו מיינע קינדער?

— דיינע קינדער וועלען יעצט זיין איך מיינע קינדער! — האט אניוטא געענטפערט — אמת, איך בין יונג, צו זיין א מאמע. אבער איך האב זיי ליעב און וועל זיי זיין אן עלטערע שוועסטער.

אניוטא איז אנשוויגען געווארען.

מישא איז געזעסען דעם קאפ איינגעבויגען אין בייטע הענט.

— דו האסט געקענט מיין פאטער?

— האט ער פערדעלטיג ביי איהר א פרעג געגעבען און איז איינגעשטאנען און האט געזוכט זיך פארקרימט. ער איז געווען בלאס און האט געפיהלט אז דאס וואס זי האט צו דערצעהלען איז א שוידערליכע פאסירונג וועגען זיין פאטער.

— ליידער האב איך איהם געקענט — האט אניוטא געזיפצט — ער איז געווען דער יעניגער וועמען איך האב אנגעטרויעט מיין הארץ, מיין זעעלע, מיין ליעבע!

— און דו האסט געוואוסט אז ער האט א פרוי מיט קינדער — האט מישא אויסגעשריען.

— נור אניוטא האט איהם בארוהיגט — ווי קענסטו גאר דענקען וועגען מיר אזא זאך? דענקסטו אז איך בין פעהיג צו טאן אזוי?

— ענטשולדיגט אניוטא! — האט ער זיך ביי איהר געבעטען — איך האב מיין פולען רעספעקט צו דיר. זייט דעם ערשטען טאג, וואס די ביסט געקומען אהער,

איך האב נים געמיינט דיר וועה צו טאן.

— ער האט מיך אויסגענארט און באשווינדעלט! — האט אניוטא פארטגעזעצט. — ער איז געווען א גרויסער מזיקער, דורך א צופאל האבען מיר זיך באקאנט. ער האט מיר אנגעבאטען צו קולטיווירען מיין שטימע און דורך דעם האבען מיר זיך ביסלעכווייז באפריינדעט די פריינדשאפט האט זיך ענטוויקעלט צו ליעבע און —

אניוטא איז שטיל געבליבען. טרערען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען. זי האט אבער באמערקט ווי מישא זוכט וואס ווייטער אלץ מעהר און טרויעריגער, און זי האט איהם נים געוואלט ערגערען. זי האט זיך בארוהיגט און האט פארטגעזעצט.

צו מאכען דאס קורץ, איך האב איהם שטארק געליעבט און אין א שעהנעם וארנאכט האב איך ערפאהרען דורך איהם אליין טאקע, אז ער האט ערגיץ א פרוי און צוויי קינדער. דאן האב איך איהם אוועקגעשיקט.

— און ליובא איער מיידעלע זיין קינד? — האט מישא אויסגעשריען און האט זיך געכאפט פאר דעם קאפ.

— יא, אבער איהר זאלט זיך מעהר נים ערגערען וועגען דעם. איצט בין איך גליקליך. ליובא האט א פאטער און עס האט מן הסתם געדארפט אזוי זיין.

— אבער צו מיר האט איהר דאך גאר נים! — האט מישא מיט טרערען אין די אויגען צו איהר גערעדט — איך בין דאך נים שולדיג, וואס מיין פאטער איז געווען אזא לומפ!

— געוויים נים! — האט איהם אניוטא פארזיכערט — נים מעהר וואס דער מאל אז איך האב דעם נאמען בעת הערהערט איז דאס פאר מיר געווען א מאמענט פול מיט שרעק און ערשטוינונג — האט אניוטא געענדיגט.

— איך האב נאך אמאל זיך אפצורעכענען מיט מיין פאטער! — האט מישא געערעדט פול מיט גיפט — איך האב דאס תמיד געהאלטען אין געהיים נור אייך מיז איך דאס זאגען — איך האט איהם פאראנטווארטליך פאר מיין מוטערס טויט, וועלכער איז געקומען צו איהר פאר דער צייט, בלויז דערפאר, ווייל זי איז געבליבען אזוי עלענד, אזוי אומגליקליך. איך האב איהם קיינמאל נים ליעב געהאט. ער האט מיך איינמאל גע־שלאגען, ווען איך האב איהם פארגע־האלטען פארוואס ער אזוי שלעכט צו דער מוטער.

קען זיין א נאציאנען ליעג אהן אמעריקע

(שלום פון פיידוש 4)

"איהראייבינע, שטענדיגע טראדי־ציע איז אנצוגעמען מיט איהר נאציאנא־לער ענטוויקלונג אין גאנצען מיט פרייע הענט. מיט נאהענט 100 יאהר צוריק האבען מיר פארגעשלאגען אריינצונעה־מען אמעריקא אין א הייליגער אליאנץ. דזשאן קווינסי אדאמס, דער סטייט סעקרעטערי פון פרעזידענט מאנראו, האט יענעם פארשלאג צוריקגעוויזען.

"יעדער זאל זיך שטעהן אויף זיין אייגענער זייט. דאס איז בעסער פאר דער אלטער וועלט און פאר דער נייער. אמעריקא'ס פריינדשאפט און קאאפע־ראציאן קענען מיר קריגען נאר פאר דעם פרייז.

"די יונייטעד סטייטס האט געמאכט איהר באשלוס. צו זי וועט דיעזען באַ־שלוס אויסדריקען דורך ראטיפיצירען ווערסאילער טריטי אדער דורך אנדערע וועגע, וויסען מיר נישט. דאס איז שוין פון קלענערען אינטערעס. ווי אן ענגלישער פובליציסט האט זיך די טעג אויסגעדריקט — ווען וועלען מיר גע־פינען א נייעם קריסטאפער קאלאמבוס צו ענטדעקען די אמעריקאנער פאליסי צו דער דיפלאמאטיע פון מערב איירא־פא?"

פיעלע פראמינענטע פראנצויזען רע־דען איצט דאס זעלבע ווי פערטינא אין דעם אויבענ־ציטירטען ארטיקעל, און די שליעסע שיינען צו זיין דאס אויב אמעריקא וואלט ווירקליך וועלען האַ־בען די נאציאנען ליעג וואלט זי באגרי־פען אז זי מוז האבען איהר הילף, און טאקע אזוי שנעל ווי נאר מעגליך.

אנשטאט צו זיין א גרויסע פריי־רענס טויב פאר דער גאנצער וועלט, פאר שפרעכט איצט די נאציאנען ליעג צו ווערען א מין שליח פאר אריינברענגען אין קראפט דעם ווערסאילער פרידענס־אפמאך...

וואס איז א טרייד מארק?

ווייסט איהר וואס עס הייסט א טרייד מארק?

אין א פשוט'ער איבע־זעצונג וואלטען מיר געקענט זאגען, אז עס איז א "האנ־דעלס צייכען", ווייל דורך דיעזען טרייד מארק דערקענט דער קונה וואס פאר א וואארע און וועמעס וואארע ער קויפט.

דער דייטשע־ווארט דאפיר איז "שוץ מארק" און ערקלעהרט די זאך פון אן אנדער שטאנדפונקט. עס שיצט דעם קויפער געגען נאכמאכונגען, די טרייד מארקס באשטעהען אפט פון געוויסע צייכנונגען, מאנאגראמען, בילדער, א געוויסער "סלאגאן" (מאטא) און אפט בלויז דער פשוט'ער נאמען פון'ם פאב־ריקאנט.

אין דימאנד'ס "בראנקס עקספרעס", די גלענצענדע קאמעדיע אין נייעם קונסט טהעאטער זיינען די העלדען פון דער קאמעדיע די טרייד מארקס פון די אר־טיקלען וואס ווערען אדווערטייזט אין די קארס און אין סאבווייס. למשל פלו טא וואסע־ האט א "רויטעף טיוועל" פאר איהר סימבאל, די קייך־הוסט קענ־די פאבריקאנטען האבען די "סמיטה בראדערס" אלס זייער סימבאל. די פעירבייקנק גאהר דאסט סקאורינג פאר־דער האט צוויי ניגערלאך אלס איהר סימבאל. אנדערע פירמא'ס געברויכען נור זייער נאמען. למשל טיפאני איז בעריהמט אין דער גאנצער וועלט פאר

דיימאנדס און דזשועלערי; ראדזשערס איז בעריהמט אין דער גאנצער וועלט פאר זילבער געשיר; מענען'ס אדער קאלגייט'ס פאר פארפיום וואארען, און אזוי ווייטער.

אויך אין מצות איז ביי אידען גע־ווארען פאפולער איין נאמען וואס ווען מען דערמאהנט עס נור, רעפרעזענטירט עס שוין "מצות", און דאס איז דער־נאמען "מאנישעוויץ".

צו איהר וועט פרעגען מענשען פון אלטען דור, פונ'ם פרומען סארט, די וואס זוכען און זיינען מקפיד אויף כשרות, צו איהר וועט פרע־גען די ראדיקאלען, וועלכע עסען מאנישעוויץ'ס מצות צוליעב דעם וואס זי איז אונפער־גלייכבאר אין פרישקייט, טעם, קוואליטי און אויסזעהן, — יעדער איינער וועט וויסען אז מאנישעוויץ איז די וועלט מצה, די מצה מיט אלע מעלות ווייל 80 פראצענט פון די אידען אין אמעריקא געברויכען נור מאנישעוויץ'ס מצה.

דאס איז דער טרייד־מארק פון דער בעס־טע־ מצה אין דער וועלט—די מאני־שעוויטץ מצה.

יעדע־ ארטיקעל, וואס האט גע־מאכט אן ערפאלג, ווערט נאכגעמאכט פון קאנקורענטען, אזוי אויך זיינען דא געוויסע פירמען וואס פרובירען נאכ־טאנצען די מאנישעוויץ מצה פירמע אין יעדען הינזיכט. זיי שעהמען זיך נים קליידען אויף זיך אדווערטייזמענטס.

זאגאר נאכצומאכען די מאנישעוויץ'ס אדווערטייזמענטס. קליידען אויף זיך ארויף שבחים וואס פאסען נאר נים פאר זיי, אבי צו פארבלענדען דאס פובליקום'ס אויגען.

די אידען וואס ווילען האבען אן אונגעזעצטען יום טוב, ווערען געווארענט צו געבען זייערע ארדערס בעצייטענס און אנדערן מצה מיט'ן נאמען "מאנישעוויץ", דער נאמען וואס גיט אייך "די מצה מיט אלע מעלות". דאס איז דער טרייד מארק וואס וועט אייך געבען די עכטע מאני־שעוויץ'ס מצה צו וועלכע עס איז נישטא קיין גלייכען.

—::—::—

וואס טוט מען צום יקרות?

דער יקרות איז זיכער א שווערע פּ־אב־לעמע. עס זיינען אבער פאראן, מיטלען ווי אזוי א שפארזאמע באלעבאסטע זאל פארט קריגען ארטיקלען און פּ־ראדוקטען צו ביליגע פרייזען.

זאל א ער־לה אירגענד וועלכע באַ־לעבאסטע א קוק טאן אויף דעם פרייז ליסט פון דער סטיגליץ גראסערי קאמ־פאניע פון 251 נאפאלעאן סט. און זע־הען צו קען מען היינט באקומען גראַ־סערי ארטיקלען אויף אזעלכע פרייזען.

באלעבאסטעס קענען קויפען אין האל־סייל און עס וועט זיי קאסטען ביליגער. ריטיילערס וואלטען באדארפט גוט שטודירען זייערע בילס וואלטען זיי אויך געזעהן, אז ווען זיי קויפען פאר קעש לוינט זיך זיי צו האנדלען נאר מיט דער סטיגליץ גראסערי קאמפאניע, וועלכע פארקויפט גראסערי אויף אזא פרייז, וואס נים נאר זיי אליין, נאר אויך זיי־ערע קונים קענען קריגען ביי בארגיין'ס.

זיין גרויסער יחוס

איינער האט זיך אמאל באריהמט אין א געזעלשאפט אז ער איז א גרויסער יחסן, באשר אין זיין גאנצער משפחה געפינט זיך נים אפילו קיין איין בעל מלאכה.

— און וואס איז עפעס מיט דיין אנ־קעל, דער קירזשנער, דעם שיכור? — האט איהם איינער געפרעגט.

— יענער קירזשנער? וואס שיכור? ער האט זיך דערמאנט א מעשה! יענער האט זיך נאך געשמד'ט מיט א יאהער 10 יאהר צוריק.

זעהר קורץ

בערל — זאג מיר, שמעריל, וואס איז די קירצעסטע זאך אין אמעריקא?

שמעריל — ציקער, ווייל גאנץ אמע־ריקא איז יעצט קורץ אין צוקער.

—::—

ביידע וועגען שלעכטע

ער — וועט איהר מיט מיר חתונה האבען?

זי — איך קען דאך אייך בלויז א קורצע צייט.

ער — וועלען מיר ווארטען א יאהר.

זי — דאס טויג נים. דאן וועל איך אייך קענען צו גוט.

לענדלארדס אויפמערקזאם!

[illegible]

הערים און לואיס
481 אנטוויין סטריט
טעל טשערי 8054

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה ניט צו זאגען "סינסינעטי מצה", נאר אויסדריקליך פאדערען

מאנישעוויטץ מצה

"די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

ניו־יארק אפיס:
1 יוניאן סקווער

די ב. מאנישעוויטץ קא.
סינסינעטי, אהייא

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
[D]etroit Office 255 Napoleon St.

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעוין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. — DETROIT, MICH., Friday, March 26th 1920 Vol. 2, No 38 — פרייטאג, מארטש 26, 1920

Public Library 42nd and 5th Ave.

פאריז הערט שלום געשלאסען צווישען עבערט'ן און רוהר-ארבייטער

וואָרענט גרויסע אויסוואנדערונג פון דעטראיט אלס רעזולטאט פון הויז מאנגעל

א בעאמטער פון דער קאמוניטי יוניאָן, וועלכער האט מאַנאַטען לאנג זיך אָפּגעגעבען מיט אן אויספארשונג אין דער הויזפראגע, האט לעצטען מיטוואך ארויסגעגעבען א סטייטמענט, אין וועלכען ער וואָרענט, אז אין גיכען וועט זיך אנפאנגען א גרויסע אויסוואנדערונג פון דעטראיט, אלס רעזולטאט פונ'ם גרויסען מאנגעל אין וואוינונגען.

דער בעאמטער פארזיכערט, אז אויב די לענדלארדס וועלען אנהאלטען זייער הויכשינדעריי, וועט אין גיכען ענטשטעהן א גוט ארגאניזירטע באוועגונג „ארויסצוּוואנדערען פון דעטראיט".

צווישען אנדערעס ווערט אין זיין סטייטמענט געזאגט:

„רענט ווערט אזוי הויך, אז עס איז אוממעגליך פאר א גרויסען טייל פון דער באפעלקערונג צו צאהלען. עס וועט דאריבער מוזען זיך אנפאנגען א גרויסע אויסוואנדערונג פון דעטראיט. ניט נאר ווערען די דאזיגע מענשען אליין אוועקפאהרען, נאר וועלען אויך אנפאנגען א באוועגונג, אז אנדערע זאלען נאכמאכען זייער ביישפיעל.

„דער מאנגעל אין הייזער האט שוין דערגרייכט אזוי וויים — זאגט ווייטער דער עקספערט אין זיין סטייטמענט — אז הייטע־וועלכע דארפען — לויט די עלעמענטאַרסטע כללים פון סאניטאריע און זיכערקייט — ענטוועדער ארונטערגעווארפען אדער איבערגעארבייט ווערען — מוזען בלייבען שטעהן אזוי ווי זיי זיינען מחמת הונדערטער מענשען וועלען בלייבען אהן א דאך איבער'ן קאפ.

שנעלע איפּבויאונג פון 200 הייזער געפלאנט

„די האוז פינאנסינג קאמיטע און דעטראיט", וועלכע האט זיך געשטעלט אן אויפגאבע זאפארט צו פארלייכטערען די שווערע הויזפראבלעמע האט לעצטען מיטוואך איינגעקויפט 200 „קאנטראַדער" הייזער, וועלכע וועלען אויפגעבויט ווערען אזוי שנעל ווי זיי וועלען געבראכט ווערען צו די באשטימטע פלעצער.

די דאזיגע הייזער וועלען געבויעט ווערען אין פלעצער, וואו דער מאנגעל אין הייזער האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה.

דער פרעזידענט פון דער קארפאָריישאן, מר. יודזשין וו. לואיס, האט מאַרגענדיג דיעזען אנאנסמענט אויך מוסיף געווען, אז די קארפאריישאן האט ברעה אויפצובויען נאר אין גיכען נאך 150 הייזער אויף איהר אייגענעם רעכנונג.

„מיר טרייען אנצולעגען מיט אונזער ארבייט אזוי שנעל ווי מעגליך — האט מר. לואיס געזאגט — עס דארף אבער פארשטאנען ווערען אז מיר קענען ניט בויען טויזענדער הייזער אויף בילינגע פרייזען זאפארט. עס מוז נעהמען צייט. די קארפאריישאן האט'יעצט אויסגעגעבען פאר הייזערלאטס די סומע פון 2 מיליאָן ביז $2,500,000

230,000 טיפוס קראנקע אין פוילען

בלויז 4 דאקטוירים פאר 420,000 קראנקע אין מאנטאנעגרא

פאריז, מארטש 25. — הענרי פ. דייוויסאן, פארזיצענדער פון רויטען קרייץ האט דא געכטען פאר צייטונגס לייטע געשילדערט א שרעקליכעס בילד פון די פארשידענע עפידעמיעס וואס בושעווען היינטצוטאג אין צענטראל און מזרח אייראפא.

ער האט ערקלעהרט, אז ער האט נאר וואס ערהאלטען א טעלעגראמע פון פוילען, וואו עס ווערט איהם איבערגעגעבען דאס איבער 230,000 טיפוס קראנקע געפינען זיך איצט אין דעם דאזיגען לאנד אליין. מר. דייוויסאן איז זיכער, דאס די לאגע איז דארטען א געפעהרליכע צוליעב'ן מאנגעל פון דאקטוירים און מעדיקאמענטען. די צאהל האספיטעלער איז זעהר א קליינע. לויט זיין מיינונג, און ס'איז דא א קליינע האפנונג, אז די פוילישע רעגירונג זאל זיין אימשטאנד אליין צו באקעמפען די עפידעמיעס.

מר. דייוויסאן האט איבערגעגעבען, דאס אין מאנטאנעגרא זענען דא איינאנצען פיער דאקטוירים, וועלכע פרובירען צו באהאנדלען 420,000 פערזאן. אנדערע לענדער ווייטער, וועלכע זענען גוט אין עקאנאמישען מצב, ווי למשל טשעכאסלאוואקיע, ליידען אבער פון דעם, וואס פעהלט אוים מעדיצינישע זאפאסען.

מר. דייוויסאן האט איבערגעגעבען, דאס די הילפס ארבייט אין דיעזע לענדער איז צו גרויס פאר'ן רויטען קרייץ, און אז די אליאירטע רעגירונגען מוזען קומען צו הילף. „אויב די רעגירונגען פון די עליים וועלען צושטעלען די הויפט שטאפען, ווי שפייז, קליידער און טראנספארט — האט ער געזאגט — איז דאן דער רויטער קרייץ וויליג צו אפעלירען צו דער וועלט פאר וואלונטיר דאקטוירים און נוירסעס, פאר מעדיצינישע זאפאסען א. ד. ג. מיר קענען צושטעלען ארגאניזאציע און די מעדיצינישע נויטווענדיגקייט, אבער מיר קענענ'ניט צושטעלען שפייז, קליידער און טראנספארט.

שלאגט פאר בלאקאדע געגען רוסישע עפידעמיעס

האג, מארטש 25. — דער קארעספאנדענט פון דער „אמסטערדאם האנדעלסבלאט" וועלכער האט זיך אומגעקעהרט פון רוסלאנד, שלאגט פאר אנשטאט דער אומגערעכטער קאמערציעלער בלאקאדע געגען רוסלאנד, האט מען בעסער געדארפט זיך פארטראכטען וועגען דער געפאהר, וואס שטעהט פאר אייראפא פון די גרויסע עפידעמיעס, וועלכע הערשען אין רוסלאנד. דער קארעספאנדענט דערצעהלט, דאס לעבען פוילישען פראנט זענען במעט אלע, וואס האבען געליטען אויף טיפוס, אויסגעשטארבען.

דער קארעספאנדענט פארענדיגט מיט פאלגענדעס:

„סטראטעגישע גרעניצען זענען ניט סאניטאריש. די דייטשען האבען אומזיסט פרובירט ראטעווען זייער לאנד (פון עפידעמיעס). קומענדיג אין דייטשלאנד, מוז יעדער איינער ווייזען א צייגעניס פון א דאקטאר, דאס ער איז ניט אנגעשטעקט. אבער דיעזע פאפירען ווערען געקויפט ביים גרעניץ פאר 2 מארק".

גאווערנאר לאודען פריינדליך צו פרעמד־שפראכיגע צייטונגען

גאווערנאר פרענק א. לאודען פון איליגאָיז, וועלכער האט ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור פאר פרעזידענט פון דיא פאראייניגטע שטאאטען, האט לעצטענס אין א בריעף וואס ער האט געשיקט צו דזשארדזש טאריסאן פון שיקאגא זיך אויסגעדריקט, אז ער איז קעגען אונטערדריקען פרעמד־שפראכיגע צייטונגען.

דער בריעף וועלכער איז ניט לאנג פאר עפענטליכט געווארען, לייענט זיך ווי פאלגט:

„אויף אייער אנפראגע, וואס עס איז מיין שטעלונג צו פרעמד שפראכיגע צייטונגען, קען איך אייך בלויז זאגען פאלגענדעס:

„אונזער ריכטיגע פאליסי, ווי איך קוק אויף דעם, דארף זיין ניט צו אונטערדריקען פרעמד־שפראכיגע צייטונגען נאר צו באנוצען זיך מיט זיי אלס מיטעל צו לערנען אמת'ן אמעריקאניזם. עס וואלט געווען א זעהר שלעכטע פאליסי צו אונטערדריקען אין גאנצען די פרעמד שפראכיגע צייטונגען, וועלכע פאסען אויף די אינטערעסען פון די אימיגראנטען, וועלכע מיר האבען איינגעלאדען צו קומען אהער.

„איך ווייס ניט פון קיין ציוויליזירט לאנד, וועלכע זאל אונטערדריקען פרעמד־שפראכיגע צייטונגען, טא פאר וואס זאלען מיר זיין ווייניגער ליבעראל אין דיעזער הינזיכט פון אנדערע ציוויליזירטע לענדער? עס איז אין די אינטערעסען פון אונזער רעפובליק, אז אונזערע בירגער זאלען האבען גלייכע פריווילעגיען, און אויב עס געפינט זיך א גרויסע צאהל בירגער, וועלכע קען אמבעסטען אינפארמירט ווערען וועגען ענינים, וואס זיינען נוגע אמעריקע און אנדערע לענדער נאר דורך זייער מוטער־שפראך, טא פאר וואס זאלען מיר זיי באראבען פון זייער רעכט. ווי אזוי קענען מיר אנדערש פארלענגען די אידעאלען פון אמעריקאניזם, פאר בירגער וואס זיינען געבוירען געווארען אין אנדערע לענדער, אויב ניט דורך זייערע אייגענע שפראכען?"

אויף דעטראיטער גאסען

2 קינדער טויט און 6 פארוואונדעט פון קאר עקסידענטס

ראבערט לואיס, 6 יאהר אלט איז מיטוואך איבערגעפאהרען געווארען פון א פארטיגנטה קאר ווען ער האט זיך געשפיעלט נעבען זיין היים, 335 וועבאש עוו., און איז געשטארבען אין 15 מינוט נאך דעם עקסידענט אין די ארמס פונ'ם מאטארמען, זשעבאן ווילסאן פון 950 פארטינטה עוו.

דער מאטארמאן האט געוויינט ווי א קינד, ווען ער איז געשטאנען פאר'ן אסיסטענט פראסעקיוטאר קענט אין פאליס־העדקוואַרטערס. ער האט געזאגט, אז דאס קינד איז אליין אונטערגעשפרונגען אונטער'ן קאר.

ווילסאן איז פארלויפיג באפרייט געווארען.

נעהענדיג פון סקוהל ארום 4 א זייגער מיטוואך ביינאכט, איז ביטרים לאפאדרזש 10 יאהר אלט, איבערגעפאהרען געווארען פון אן אויטאמאביל אויף וואוד־וואַרד און אנטאנגע עוועניוס. דאס קינד איז צוגענומען געווארען אהיים א שרעקליך צוקאליעטשעטע.

סיליא סאלאווינסקי, 5 יאהר אלט, איז מיטוואך ביינאכט איבערגעפאהרען געווארען פון אן אויטאמאביל נעבען איהר היים, 924 גלעדוין עוו. זי איז צוגענומען געווארען א היים מיט א צובראכענעם נאקען.

וואלאדימיר פיטש, 10 יאהר אלט, 662 טאונסענד עוו., איז אונטערגעפאלען אונטער די שווערע רעדער פון א שנעל־לויפענדען אויטאמאביל, ווען ער איז געגאנגען פון סקוהל. דער דרייווער פונ'ם אויטאמאביל האט אפילו ניט געפונען פאר נויטיג זיך אפצושטעלען. דאס קינד, וועלכע איז שטארק פארוואונדעט, איז צוגענומען געווארען אהיים.

עלווא רעלעיני, 15 יאהר אלט, פון 609 3־טע עוו., איז איבערגעפאהרען געווארען פון אן אויטאמאביל געטריבען פון ארנאלד בערדזשאן 1232 בוביען סט. זי איז צוגענומען געווארען אהיים א שטארק פארוואונדעטע.

א דרייצעהן יאהריגער אינגעל, מיט'ן נאמען לואיס טאמאס, 24 וויליאמס סט., איז לייכט פארוואונדעט געווארען אין אן אויטאמאביל עקסידענט אויף קאנג פיעלד עוו. ער איז צוגענומען געווארען אהיים.

ראבערט פארעל, א 6 יאהריגער באי, איז געקליבען מיט א צובראכענעם פוס אלס רעזולטאט פון אן אויטאמאביל עקסידענט אויף וויקסבורג עוו., מיטוואך אווענט.

א דריי יאהריגע מיידעלע, מיט'ן נאמען ראזי פאליקי איז איבערגעפאהרען געווארען פון א בעקערי וואגען לעצטען דינסטאג ביינאכט נעבען איהר היים, 130 פארקוואוד עוו. זי איז געשטארבען דינסטאג ביינאכט אין טשילדרען'ס פריי האספיטאל.

לואיס מיטניק פון 1424 סענטראל עוו. איז געקומען די אנדערע קינדער פון יענעם געגענד זאגען, אז ער איז עס איבערגעפאהרען דאס דריי יאהריג מיידעלע. ניט צו, אז ער איז טאקע פארביי געפאהרען יענעם געגענד מיט א שטורעם פריהער, אבער ער לייקענט ענטשיעדען, אז ער איז דער דרייווער וואס האט איבערגעפאהרען דאס קינד.

האבען זיך געשראקען פאר בלוט

9 אויטאמאביל טרייבער האבען זיך לעצטען מיטוואך אנטזאגט ארויפצונעהמען אויף זייערע אויטאמאבילס א שרעקליך צוקאליעטשעטען מאן פון א קאר אויף דזשעפערסאן עוו. דער נאמען פון דעם מאן איז דזשאזעף גאלאגער פון פיטסבורג. ער איז געלעגען אין מיטען גאס מיט א צובראכענער פוס, און א טייך בלוט און געווארט ביז עס וועט אנקומען א דרייווער, וואס שטעלט א מענשליכען לעבען העכער ווי די ריינ־קייט פון זיין אויטאמאביל.

ענדליך איז אנגעקומען אזא סארט דרייווער און דער צוקאליעטשעטער מאן איז צוגענומען געווארען אין רעסיווינג האספיטאל.

ארבייטער שטעלען וויכטיגע פראגען פארטיידיגער פון די. י. אר.

מיטוואך ביינאכט, ווען א. ב. האל, א לאיער פון דער די. יו. אר. האט גערעדט פאר 700 ארבייטער פון דער בארוס עדינג מאשין קא. האט דאס ווארט „מוניסיפאל אונערשיפ" ווארעם באגריסט געווארען פון די צוהערער.

מר. האל האט אין פארלויף פון זיין רעדע דערמאהנט דאס ווארט „מוניסיפאל אונערשיפ" מיט א חוזק. ער איז אבער באגריסט געווארען מיט לאנגע אפלאדיסמענטען.

— גוט — האט מר. האל געזאגט — לאמיר זעהן וויפיעל פון אייך זענען פאר „מוניסיפאל אונערשיפ". הונדערטע הענט האבען זיך אויפגעהויבען.

— און וויפיעל זענען געגען? — האט ער געפרעגט.

גאנצע דריי הענט צווישען אן עולם פון 700 פערזאן האבען זיך באוויזען.

מר. האל איז דאן אריבער צו מעיאר קאזענס פלאן און האט איהם שטארק קריטיקירט.

„דער מעיאר באריהמט זיך, דאס זיין פלאן וועט אין פארלויף פון קומענדען יאהר שוין פונקציאנירען — האט מר. האל געזאגט — דאס איז אבער אוממעגליך. די די. יו. אר. האט נאך אין יאהר 1918 באשטעהלט שטאהלענע רעלסען און זי האט נאך אלץ זיי ניט ערהאלטען".

„נו, ווען מיר וועלען אננעהמען קאזענס פלאן, דאן וועט דארף די די. יו. אר. איבערגעבען צו דער שטאדט איהר באשטעלונג פון יאהר 1918. וועט זי דען דאס ניט טאן? — האט איין ארבייטער געפרעגט.

— נאו סער, — האט מר. האל הויך אויסגעשריען, — מיר האבען אין זינען צו קעמפען פונקט, ווי מיר האבען שטענדיג געקעמפט.

נאך דער רעדע זענען געשטעלט געווארען פארשיידענע פראגען פון דיא צוהערער.

איינער פרעגט פאלגענדעס:

— פארוואס איז עס אזוי, דאס דיא די. יו. אר. ווען זי זאל ניט האבען א דיספוט מיט דעטראיט, פארשלעפט זי איהם אין סופרים קאורט, און פאר דער צייט פיהרט זי דעם דעטראיטער עולם, ווי אקסען?

אויב ס'איז געווען וועלכער ניט איז ענטפער אויף דיעזער פראגע, האט מען אבער איהם ניט געקענט הערען צוליעב די לאנגדויערענדע אפלאדיסמענטען, וואס דער פראגע־שטעלער האט געקראגען פון עולם.

אן אנדערער האט געשטעלט פאלגענדע פראגע:

— פארוואס שלאגט פאר דיא די. יו. אר. איהר פלאן פונקט פאר די וואהלען? און פארוואס זאגט איהר, דאס איהר קענט אונז פיהרען איצט פאר 5 סענט און דאס איהר קאט עס ניט געקענט טאן מיט צוויי יאהר צוריק?

אויף דער לעצטער פראגע, האט מר. האל געענטפערט, דאס די קאר קא. קען איצט יע פיהרען איהרע געשעפטען מיט א 5 סענטיגען פעיר, ווייל די שטאטישע באפעלקערונג איז פיעל פארגרעסערט געווארען.

מיש. גאווערנאר וויל פארד'ס קאמפאני זאל אונטערזוכט ווערען

לענסינג, מארטש 24. — „אויב דיא ווילסאן אדמיניסטראציע איז געווען אויפריכטיג אין איהר אויספארשונג פון דעם סענאטארישען קאמפיין אין מישיגאן פון יאהר 1918, דארף זי זיך ניט אפשטעלען נאר מיט דער אונטערזוכונג פון דעם נעווינער. נאר זי דארף אויך מאכען אן אונטערזוכונג פון דעם קאמפיין, וועלכען ס'האט אנגעפיהרט דער פארלירער".

דיעזען סטייטמענט האט גאווערנאר סליפער געמאכט היינט, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין היים אין דער הויפט שטאדט פון מישיגאן סטייט.

דער גאווערנאר האט אויך געזאגט, דאס כל זמן דער ווערדיקט פון דעם ניו בערי־משפט וועט ניט באשטעטיגט ווערען פון סופרים קאורט, זעהט ער ניט איין די נויטווענדיגקייט צו ענטזאגען ריטשארד ב. פלעטשער פון זיין אמט, אלס ארבייטער־קאמישיאנער. מר. פלעטשער איז איינער פון די 17, וועמען די דזשורי האט לעצטען שבת געפונען שולדיג.

ער האט אויך געזאגט, דאס כאטש ער האט קיין פארדראכט ניט אויף דער דזשורי אין דעם ריכטער סעשאנס, דענקט ער אבער, דאס א גרויסע אומגערעכטיגקייט איז באגאנגען געווארען, וואס מ'האט ניט נאכגעזוכט פארד'ס קאמפיין. נאך גאווערנאר סליפער'ס מיינונג, איז די פארד ארגאניזאציע באגאנגען דעם זעלבען פארברעכען ווי די ניובערי ארגאניזאציע.

„דאס גוטמאכען פון א האלבער עולה — אויב דער סופרים קאורט וועט געפינען, דאס אן עולה איז באגאנגען געווארען — וועט ניט מאכען קיין גאנצע גערעכטיגקייט — האט גאווערנאר סליפער געזאגט.

„מר. פארד, אלס דער פיהרער פון דער דעמאקראטישער פארטיי אין דעם קאמפיין פון יאהר 1918 — האט דער גאווערנאר ווייטער געזאגט — דארף זיין צופריעדען פון אזא אונטערזוכונג און דארף זי אליין אזוי דרינגענד פאדערען, ווי ער פאדערט די סענאט קאמיטע, דאס מ'זאל איבערציילען דיא צאהל שטימען, וואס זענען פאר איהם און דעם גאווינער אפגעגעבען געווארען".

ער האט איבערגעגעבען זיין מיינונג, דאס ניט ניובערי און ניט פלעטשער דאר־[ff]

פאגראמען אין אונגארן הערען נים אויף

ניו־יארק, מארטש 25. — אפאני, דער פרעזידענט פון דער אונגארישער דעלעגאציע אין פאריז, האט געשיקט א פראטעסט בריעף צום פרעמיער סימאני געגען די פאגראמען אויף אידען אין אונגארן.

אבער אין דער זעלבער צייט ווערען דא ערהאלטען באריכטען פון אונגארן, אז פאגראמען געהען נאך אלץ אן און אז אידישע שילער זיינען אויסגעשלאסען געווארען פון די סקוהלס.

ליעבע צו זייער קינד גרעסטע שטערונג אין קריגען א גט

פאפא און מאמא, זיינען אויף מעסערשטעך. מען האט איינע די אנדערע פיינד און מ'וויל זיך געהן גטן, אבער דאס פיער יאהריג איינגעלע פילעס ביינום, ווערט געליעבט אי פון פאפא אי פון מאמא. ביידע ווילען נעהמען דאס קינד צו זיך.

אט דער דאזיגער ספּסוק וועט היינט דארפען געשליכטעט ווערען אין דזשאדזש וועבסטער'ס קאורט. די עלטערען, וועלכע זיינען מיט עטליכע מאנאטען צוריק געקומען פון סעדאר ראפידס איאווא, זיינען שוין אונאפיציעל יעצט צושיידט, אבער לויט די געזעצען פון מישיגאן סטייטס, קען ניט ארויסגעגעבען ווערען א גט צו א פאר פאלק ביידען זיי האבען אפגעוואוינט אין דיעזען סטייט ניט ווייניגער ווי 6 מאנאטען.

דאס קינד איז הערוויל ביי דער מוטער, וועלכע ארבייט אין א קענדי סטאר. „אנומעלטען — דערצעהלט די מוטער, האט „פאפאשא" געמאכט א פארזוך אוועקצוריסען דאס קינד מיט געוואלד". זי איז ליעבע צום קינד דערגרייכט ביז משוגעת.

וואס פון דעם ספסוק וועט זיך ארויס־לאזען — בלייבט צו זעהן.

[continued: main headline article]

פאריז, מארטש 25. — לויט באריכטען, וואס זענען ערהאלטען געווארען אין די היגע האלב־אפיציעלע קרייזען, איז די דייטשע רעגירונג געקומען אין א פריעדענס פארשטענדניס מיט די ארבייטער פון דעם רוהר געגענד, וואו דער גענעראל סטרייק האט אפגעשטעלט די גאנצע אינדוסטריע און שלאכטען צווישען ארבייטער און רעגירונגס טרופען זענען פארגעקומען אין פארלויף פון איניגע טעג.

די פונקטען פון דעם אפמאך מיט די ארבייטער זענען פאלגענדע:

דאס פארמירען פון אן ארבייטער ארמיי, וועלכע זאל האבען די פליכט איינצושטעלען ארדנונג.

אן נייעם קאבינעט זאל ארבייטער יוניאנס זיין פארטראטען.

דאס ענטוואפענען פון די טרופען, וואס האבען גענומען אן אנטייל אין די לעצטע אומארדנונגען.

דאס דורכפיהרען פון געזעצען פאר סאציאלע רעפארמען.

דאס סאציאליזירען פון די קוילען און פאטאש מינען.

דאס פונאנדערלאזען פון די קאנטר־רעוואלוציאנערע מיליטערישע אפטיילונגען.

דאס אויסבעסערען פון דעם שפייזונג סיסטעם.

אלע מאיאריטעט פארטייען האבען איינגעוויליגט אויף דיעזע באדינגונגען און די רעגירונג גלויבט דארום, דאס עס וועט ניט זיין נויטיג צו פארמירען אין גאנצען א נייעם מיניסטעריום.

די נעמען פון נייעם קאבינעט

בערלין, מארטש 25. — דער נייער דייטשער קאבינעט, וועלכער איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אלס א רעזולטאט פון די נעכטיגע אונטערהאנדלונגען מיט די ארבייטער, באשטעהט פון פאלגענדע פערזאנען:

פרעמיער, גוסטאוו בויער; וויצע־קאנצלער און יוסטיץ־מיניסטער, דר. שיפער; אויסערן־מיניסטער, דר. הערמאן מולער; אינערן מיניסטער, הער קאך; פארטיידיגונגס מיניסטער, הער געזלער; פינאנץ־מיניסטער, קאפיטאן פישער קונא; ארבייטס־מיניסטער, הער שליקע; רעקאנסטרוקציאנס מיניסטער, הער גיזבערטס; מיניסטער אהן א פארטפעל, דר. עדוואַרד דאוויד.

פראנצויזישע צייטונג אטאקירט אידישע אסימילאטארען

נייארק, מארטש 24. — די גרויסע פראנצויזישע צייטונג „לאנטערן" איז ארוים מיט א פאהראמונגס עדיטאריעל געגען די אידישע דעפוטאטען פון פראנצויזישען פארלאמענט, ווייל זיי האבען אגיטירט, אז די פראנצויזישע רעגירונג זאל זיך שטעלען אין אפיציעלער פארבינדונג מיט'ן פאפסט.

די אידישע דעפוטאטען — זאגט די צייטונג — זארגען זיך בלויז פאר דער קריסטליכער סיריען, אבער ניט פאר א אידישער פאלעסטינא.

אין זונטאגדיגען נומער „וועג"

עס זיינען שוין אפען די טירען פאר הילף קיין אוקראינע. וואס זשע טוט דעטראיט אויף צו העלפען זייערע ברידער אין אוקראינע? — לייענט זונטאגדיגען עדיטאריעל פון ב. י. גאלדשטיין וועגען דיזער פראגע.

מיט א פאר וואכען צוריק זיינען שוין געווען געדרוקט אין „וועג" קורצע מעשה'לעך, הומאריסטישע און שטימונגספולע פון דעם באריהמטען הומאריסט משה נאדיר. אין זונטאגדיגען „וועג" וועט דער לעזער געפינען נאך 2 פראנזענפראנזען.

די לעזער וואס פארפעהלען נישט צו לייענען „די פאליטישע וואך" אלע זונטאג אין „וועג", וועלען סס"מא ניט פארפעהלען זי צו לייענען אויך היינטיגע וואך אום קלאהר צו ווערען אין די פאליטישע געשעהנישען פון דער פארגאנגענער וואך, געשריבען פון נ. ק.

ווען א פרוי וויל פאהרען אין קאנטרי, און האט קינדער און קען קיין דיענסט נישט דינגען — וואס זאל זי טאן? — אט לייענט אינמיטען מרים קארפילאוו'ס ערצעהלונג אין זונטאגדיגען „וועג", וועט איהר וויסען.

ווי אזוי א דעטראיט'ער באלעבאס האט געלערנט בלק מיט זיין יונגער ווייבעל, א פאלשע קאקעטקע, און אינטערעסאנטע פאסירונג און וואס מ'קען דערפון לערנען — לייענט וועגען דעם ב. י. פ—ן'ס עדיטאריעל אויף לעצטער פיידזש אינם זונטאגדיגען „וועג".

יונגער מיליאנער באגעהט זעלבסט־מארד נאך א קריגעריי מיט זיין פרוי

נאכדעם ווי ער האט געהאט א שטארקע מחלוקת מיט זיין פרוי, איז טשארלס פ. קארי, זוהן פונ'ם פארשטארבענעם מיליאנערסקע באנקיער דזשאהן ווי. קארי פון ווינדזאר, אהיין צו זיך אין צימער פון זיין וואוינונג, 180 מאסס עוו., היילאנד פארק און זיך דערשאסען אויף טויט.

קאראנער דזשיימס י. עלמאן, וועלכער האט געמאכט אן אויספארשונג אין דער קייס, האט ערקלעהרט, אז קארי האט געפיהרט א שטארקע קריגעריי מיט זיין פרוי דעם גאנצען מיטוואכדיגען טאג און אז ער האט מיטוואך אין דער פריה ערהאלטען א בריעף פון זיין פרוי'ס ברודער, וועלכער האט פיעל ביישטראגען צו דער מעלאנכאליע, וואס האט דערפיהרט דעם מיליאנער צו זעלבסטמארד.

עס ווערט ערקלעהרט, אז דער בריעף האט געהאט צו טאן מיט פינאנציעלע פראגען, וואס זיינען נוגע די ירושה אין ווינדזאר וואס זיין טאטע האט איבערגעלאזען.

דער אלטער קארי, וועלכער איז געשטארבען מיט 10 יאהר צוריק, האט איבערגעלאזט א ירושה פון א דריי מיליאן דאלאר פאר'ן זוהן און צוויי טעכטער. די ירושה באשטעהט פון די בענק אפיסעס אין ווינדזאר און דער פארד בילדינג אין דעטראיט.

דער יונגער קארי איז געווען אן אוואנטוריסטישע נאטור. ער איז ארומגעפאהרען איבער גאנץ זיד־אמעריקע, געזוכט אוואנטורען אין מעקסיקא און ווען ער האט זיך גוט אנגעזעטיגט מיט אוואנטורע, האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק קיין דעטראיט, וואו ער האט באלד געהייראט.

דאס איז געווען מיט פינף יאהר צוריק.

קאראנער עלמאן דערצעהלט, אז האלדי מיט זיין פרוי זיינען מיטוואך אוועקגעפאהרען אין אן אויטאמאביל, וואו זיי האבען געפיהרט א שטארקע קריגעריי. ווען זיי זיינען צוגעפאהרען מיט'ן אויטאמאביל צו זייער היים האט קארי זיך צוריקגעצויגען אין זיין צ'ימער און אין א פאר מינוט ארום האט די פרוי דערהערט א שאס. זי איז אריינגעלאפען אין צימער און געפונען איהר מאן א טויטען אין א טייך בלוט. נעבען איהם איז געלעגען א רעוואלווער.

CLASSIFIED

פיר פאמעליע בריק פלעט
סאוטה פון א-דען פארק. 5 רומס און סליפינג פארטש, 3 גאראדזשעס בלויז $11.000 $26.000 איינצאלען.
Maloney-Campbell Realtty Co.
504 Free Press Bldg.

צו פארקויפען
A 1
לאקיישאן פאר א כשר בוטשער סטאר האמילטאן בולווארד געגענד פרעגען
Northway 890w

צו פארקויפען, א פרוכט און וועדזשעטייבל סטאר; מיט'ן טיעם אויב פארלאנגט. גאראנטירט צו מאכען א פיינעם לעבען, און סייפען געלד. פרעגען באקס 51
28)

אגודת שוחטי עופות דיטראיט
מיר לאזען וויסען אלע פרויען, אז אלע פלעצער וואו מען שופט טשיקענס, וועט זיין אפען פון 8 אוהר מא-גענס ביז 12 דינערטיים און פון 1 אוהר ביז 5 אוהר פארנאכט דאנערשטאג ביז 12 דינער און פון 1 אוהר ביז 10 אווענד מוצ"שק ביז 10 אוהר אווענד. פרייטאג און זונטאג ביז 12 אוהר מי-טאג ישראל וואסע-מאן פרעז.
26)

נאטיס! נאטיס!
א נייער בוטשער שאפ האט זיך געעפענט אויף 1382 מישיגאן עוו., נעבען 28טע סט. — פראמפטע און אייד דעלע באהאנדלונג, גיט אונז א טרייעל און איבערציינט זיך.
28)

צו פארקויפען א גרויסע קארנער גראסערי. פרעגען: מר. באלעטצקי 749 רוזוועלט עוו. וואלנאט 1255
26)

צו פארקויפען. א מיטשעל קאר אין גוטען קאנדישאן. פרעגען: מר. באלעטצקי 749 רוזוועלט עוו. וואל-נאט 1255
26)

צו פארקויפען. א גוטער וואגען פאר א סטאר, אין גוטען קאנדישאן. פרעגען: מר. באלעטצקי 749 רוזוועלט סט. וואלנאט 1255
26)

פסחדיגע שמאלץ צו פארקויפען. $1.25 א פונט. מר. סלאן, 169 גודווין אין די ריער.
28)

לאיער מתתיהו ליסס האט געע-פענט א ברענטש אפיס פאר די אוועג-דען אין 325 וועסטמינסטער סט. יטער העמלאק 533 דאבליו דאן טאון אפיס 928 טשעמבער אף קאממערס בלדג. סטיט אין גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978

סטאר און פיקטשורס צו פארקויפען אין קאונטרי מיט 15 הונדערט דאלאר אין בעסטען לאקיישאן, קען קריגען א ליס 125 דאלאר א חודש רענט זיכער צו מאכען געלט. פרעגען י. ל. מאלאמוט אין „וועג" אדער באקס נומער 125 (אונטער בראדע-ם)
26)

כשרה הויזקיפער פארלאנגט.
אין א פיינע אידישע הויז אין פאמילי, מוז קאנען גוט קאכען און אויך אויפפאסען די הויז. גוטע היים און גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאן. רייזע קאסטען אומגעקעהרט אויב ניט צופריעדענשטעלענד.
נאכפרעגען: וולם לאנראן, 75 פארגס וואַרטה. — טעל. נארטהוועי 1675.ר אדער בען לאנראן, 620 בראש סט. מעלראוז דזשיי 1310
26)

צו פארקויפען. א גוט עטאבלירטע קריסטליכע בוטשער שאפ אויף 703 הייטינגס, נעבען איליגויס, אורזאכע פארטנערס שטימען ניט
26)

ווארע ביליג פאר סטאר-קי-פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

שיקט אריין נאר 2 דאלאר

וועט איהר באקומען א **האלב יאהר צייט** איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.

דאס „פאלקסבלאט",
א **דעמאקראטישע** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"**, וועלכעס האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוילען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר אויך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.
דאס **„פאלקסבלאט"** וועט אייך אויך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.
דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר פערקניפען געשעפטליכע בעצי-הונגען מיט מזרח-אייראפא.
דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס „פאלקסבלאט"**. אדרעס:
Lodz, Petrokowska 37, Poland

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן
בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 מעדבורי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

ד"ר. ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר-קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע-מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט זיין חרטה ניט האבען. פארלאנגט דו-ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואַרד
737 אוקלאנד עוו.

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשעקעטס פורנישינגס, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע-סיגסטע אין שטאדט.
פ. בונין, פראפ.

קוואסעלאוו און קאטליערס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס פורנישינגס, ניטי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

שעכטער'ס דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

דרעקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קוירטענס, פענסי דריגודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענטער זענען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
זו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלםסט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד-לונג. 2 סטארס.
עלייבל סטאר פיקטשור קא
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

ל. ה. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוסלאנר)
נעהמט אן סדור קדושין
אין אנדערע שמחות מיט די בעסטע אופרידענהייט.
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאס 1130 דאבעליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ-דען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס סט.

TELEPHONE CANAL 192
VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
CELEBRATED VIENNA PURE HYGEIA BEEF SAUSAGES
CORNED & PICKLED BEEF, TONGUE, ETC.
U. S. INSPECTION, ESTABLISHMENT
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO
אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באעלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

ענייט ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע
ראמאן
פון מרדכי ספעקטאר

(באַרזעצונג)

פּלוצים אין וועג ווערט מען געוואהר אז ווען מען זאל אנליינען אן דער זייט 10 ווערסט, קען מען נעמען א רובעל א נדבה ווייל אין יענעם שטעדטעל איז דער גביר שניאור קראנק און מען זאגט אלע טאג תהלים, מען באצאהלט אלע טאג און חוץ דעם טהיילט מען אלע טאג נדבות, היינט ווען ער וועט שטארבען ווען מען אודאי מקיילען צו דריי רובעל; אזויגע צופאלען פאר אונז אביונים טרעפען זיך זעלטען, דארום ווען עס מאכען זיך אזויגע צופאלען, קען מען זיי ניט אבלאזען און מען געהט אהין, באטש עס קומט אויס ווי איהר זאגט „צוריק" אדער אין דער זייט; בכלל אז איין אריםאן קומט אין א שטאדט, קען ער פריהער פאר עטליכע וואכען זיך ניט ארויסקליבען, ווייל מען מוז זיך מאכען עטליכע גראשען אויף דעם וועג, אין איין טאג קען איין אריםאן אזוי פיעל ניט מאכען. אט בין איך פארבלאנדזשעט געווארען קיין קיעוו, איך בין דא צוויי וואכען און קען מיך נאך ניט ארויס קליבען, באטש איך האב שוין געמאכט אויף דעם וועג. נאר ווי אזוי לאזט מען זיך ארויס אין וועג אז מיך האט דא דער ווינטער פלוצים פערהאלטען איך קען זיך ניט ארויסלאזען נאקעט אין וועג ווא-ום איך וועל געוויס פארפרוירען ווערען. קיין ארימע לייט געהען ניט אין וועג, אום ווינטער, איך וועל שוין מוזען אבווארטען ביז עס וועט קומען דער ליעבער ווארעמער זומער, ווען די וועלט איז אפילו פאר אומגליקליכע אויך אפען.

ווען ער האט געענדיגט, האב איך זיך שוין אויפגעהערט צו וואונדערן פאר וואס עס איז שוין ביי איהם אוועקגעגאנגען א יאהר און ער איז נאך אין וועג.

שפעטער מיט א יאהר צוויי האט מען מיר איבערגעגעבען אז מען האט מיין בעקאנטען אביון געזעהען אין קאוונא און ער האט דארט אויך דערצעהלט אז ער פאהרט קיין אדעס.

שפעטער מיט א יאהר פינף האב איך איהם ווייטער באגעגענט אין אדעס, און ווען איך האב איהם געפרעגט ווען ער איז אהער געקומען, האט ער געזאגט ערשט נעכטען, און ווי ער האט מיר דערנאך איבערגעגעבען האט זיין רייזע פון קישינעוו קיין אדעס געדויערט א חשבון פון 6 יאהר!

ווייטער-ענדיג ווי ער האט מיר נאך אמאל פאדראבנע דערצעהלט זיין גאנצע רייזע, האב איך איהם געגלויבט אז ביי איין אביון קען געדויערען 7 יאהר פון קישינעוו קיין אדעס און מען האט זיך ניט וואס צו וואונדערן.

זיינע לעצטע ווערטער צו מיר זענען געוועזען.

— אז מען זאל אונז קבצנים גלויבען ווי זיך ניט וואונדערן אויף אזויגע זאכען פון אונזער לעבען, מוז מען זיין אליין א קבצן און איבערט-אגען אונזערע אלע צרות און שלעק; עס איז דא א סך ארימע לייט אויף דער וועלט וועלכע עס לעבט זיך ביטער, פינסטער און שלעכט, נאר ניט ביי אלע איז עס גלייך.

איך האב מיין באקאנטען אריםאן קיין מאל ניט פארגעסען און איצטער ווען איך דערצעהל אז ביי לאה האט געדויערט די רייזע פון בוקארעשט קיין רוסלאנד מעהר פון 10 יאהר, האב איך זיך אויך דער מאנט אן מיינע באגעגענישען מיט מיין אומגליקליכען בן-עיר.

* * *

ווי די לעזער געדענקען פון אנהויב ערצעהלונג איז לאה געקומען צופאהרען אהיים קיין ר... מיט דעם עמיקראנט אנש אריםאן וואס האט זיך געשלעפט מיט א פערד אין ביידעל אנגעפאקט מיט זיין ווייב און קינדערלעך, בריינגע דעם אריםאנס ווייב, האט באגעגנט לאה'ן אין וועג עטליכע ווערסט פון ר... צופוס געהן, זי האט אויף איהר רחמנות געהאט און גענומען ביי איהר 10 קאפ. פאר שכר עגלה און דאס מיידעל איז גלייך פאר פאהרען אין הויף פון דער קלויז.

18
א פרעמדער שלעפער צווישען היימישע אביונים

ווי לאה איז נאך „דרייצעהן יאהר געקומען אהיים" איז אויספיהרליך די לעזער באקאנט פון דעם זיבעטען קאפיטאל צוויי-טער טהייל פון אונזער ערצעהלונג

לאמר פארגעסען אן די דרייצעהן יאהר וואס לאה האט איבערגעלעבט. עס איז ניט כדאי זיי צו געדענקען, זיי זענען פינסטערע, שלעכטע, ביטערע דרייצעהן יאהר, לאמיר זיך אומקעהרען אויף אונזערע אלטע ערטער — אויף דער טונקלער שווארצער ארימער גאס — אויף דער „טויטער גאס" מאמער, וועט דא זיין אביסעל ליכטיגער — ליכטיגער פאר דער אומגליקליכער לאה'ן, זי האט שוין לאנג ניט געזעהען פאר זיך די שיין . . .

ביטער האט זי נאך אמאל באוויינט ר' זלמנ'ס טויט, בריינגע די ארימע אידענע מיט וועלכער זי איז אנגעקומען קיין ר... האט זי געטרייסט, געזאגט אז דאס וואס גאט נעמט צו האט מען ניט וואס צו וויינען, ובפרט נאך אויף איין אלטען אידען נאך אזוי פיעל יאהרען, ער איז שוין אודאי איבער-געקומען אלעס און איז שוין איצטער אין גן עדן; לאה איז אויפגע-שטאנען פון דער ערד זיך אויסגעוויש די אויגען און איז ארויסגעגאנגען פון שול הויף, גענומען זיך אין דער לינקער זייט גלייך אויף דער „טויטער גאס"; אלין איהר דא געוועזען גוט בעקאנט נאר ווינציג איז פארענדערט געווארען די גאס אין די דרייצעהן יאהר, אלין די איינענע ארימע שטיבלעך, די איינענע שמאלע, קרומע פארמיסטיגטע געסלעך ווי אמאל — דאס אייגענע ארימקייט ווי אמאל, און וואו האט מען געזעהען דארט וואו עס איז ארימקייט זאל זיך פארענדערען? דארט איז תמיד אלין איינס...

ווען זי האט זיך ארויף אויף דעם בארג האט זי דערזעהען דאס לאנגע הויז „די אבע מודליקע".

— און דארט איז עס, האט זי געזאגט צו זיך. וואהנט מיין טאכטער, מיין רייזע-לע, מיט איהר וועל איך איצט געפינען שיינדעלען, זי וועט איהר דערצעהלען אז איך בין איהר מוטער, זי וועט אליין דער קענען אז איך בין איהר מוטער און ווי גליקליך וועלען מיר זיין !...

די אויגען זענען איהר געווארען גרע-סער פאר פריד, אלע איהרע וויטיגען האבען זיך ווי פארהיילט, זי איז ווי יונגער געווארען. נאר אין האַרצען האט איהר עפּיס שטארק געדריקט — זי האט שוין גיבער געוואלט איהר טאכטער צודריקען צים הארצען און קוקען אזוי אויף איהר אייביג, אייביג.

זי דארף זיין זעהר שעהן, האט זי ווייטער געטראכט געהענדיג, איך גע-דענק נאך ווי היינט, ווען איך האב זי איבערגעלאזט מיט אזויגע גרויסע שוואר-צע אויגען, אזויגע ווייסע הענדלעך, ווייכע פּנימ'ל — נאר א שענע ליאלקע, איצט דארף זי זיין נאך שענער — זי איז אויסגעוואקסען. ארימע שיינדעלע! די ארי-מע אידענע האט מיר דערצעהלט אז זי ביידע געהען שטענדיג צוזאמען אין די הייזער וואס פאר א גאלד דאס איז, זי האט אויך קיין מינוט ניט אוועקגע-ווארפען מיין טאכטער, מיט וואס קען איך איהר באצאהלען דערפאר ? איך בין אזוי ארים!... איך וועל זיין איהר מוטער, זי וועט זיין מיין עלטסטע טאכ-טער, איך האב צוויי קינדער !...

זי איז במעט צוגעלאפען צו דעם ארט וואו ר' זלמינע האט אמאל געוואהנט און האט זיך אבגעשטעלט... קיינער איז דא ניט דא. דאס פריהערדיגע פענסטער איז איינגעוואלעט, איבעריגענס איז אנגעשיט א בארג ערד, ניט דא קיין טהיר, קיין אריינגאנג און ניט קיין ארויסגאנג, עפּיס נאר א גרויסע לאך פון איין אלטען קעלער, וואס קיין מענש האט איהם ניט געגראבען, נאר עפּיס די נאטור אליין האט געמאכט די נארע, אדער א גרויס וואסער האט זיך דא געפונען א וועג. — זי האט זיך דער שראקען פאר דער אלטער חורבה, זי האט זיך אליין ניט געגלויבט צו א מענש האט דא אמאל געטרעטען און געוואהנט.

— יא ר' זלמינעס וואהנונג האט א פּנים ווי זיין איצטיגער קבר. נאר וואו זענען די קינדער.

זי האט זיך אנגעהויבען דרעהען ארום דער לאנגער שטוב, טאמער וועט זי'פארט געפינען ר' זלמינס שטיבעל, טאמער האט זי א טעות געהאט, נאר זי איז טאקע ווי-טער צוריק געקומען צו דער איינענער חורבה און פרויעריג באטראכט וואס עס קען ווערען פון איין ארט וואו מענשען האבען געוואהנט; אין דעם חורבן האט זי זיך געזעהען ווי אין א שפּיגעל.

— פון מיר איז דען ניט אזוי געווא-רען?... נאר וואו זענען מיינע קינדער, מיין איינציגע האפנונג אין לעבען?

די נאכט האט זיך אנגערוקט און איבער דער טויטער גאס האבען זיך אויך אלע מאל אנגעהויבען אנרוקען ווי שוואַרצע כמארעס ארימע לייט, זיי געהען פון דער שטאדט אהיים, פריי פון זייער הארעוואַ-ניע.

ווי די טשערעדע זומער פון פעלד, פון דער געדיכטער פּאשע (גראז) מיט פולע אייטערס לויפט אהיים אנזויגען איהר קעלבעלע און צו געבען ווארימע מילך פאר איהר בעל-הבית'טעס קינדערליך וואס זענען אויך געקומען פון זייער טשערעדע, פון חדר אויך פאַרהארעוועט, אזוי זענען איצט געלאָפען טשערעדעס ווייז ארימע לייט פון זייער פעטער פּאשע (די שטאדט) מיט פולע קעשענעס אהיים צו זייערע קליינע קינדער.

זיי אליין זענען איצט זאט, ווארום ווי האט יעדער אריםאן צווישען צוואנציג חיוזער ניט אויסגעבעטען איין גוטען אנ-בייסען, צווישען צעהן יאהרצייטען א לאנ-גען טרונק בראנפען? די פיעלע קעשע-נעס מיט די טארבעס פול מיט שטיקלעך ברויט, עטליכע גראשענס און א צוויי אלטע זאכען טראגען זיי פאר זייערע קינ-דער.

לאה האט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו דער טאלפּא ארימע לייט, טאמער וועט זי צווישען זיי דערקענען באטש שיינדלען, די ארימע לייט האבען אויף איהר אויך געקוקט, דערקענט איהר אז זי איז א פרעמדע, אייניגע האבען וועגען איהר געבארמאטשעט אונטער דער נאז.

— א', א ווייטער ניע זלידנעס, וואס פאר א שנעע פארטראגט זיי אהער, פונקט ווי מיר שעפען דא גאלד און עס איז הי דא ווענינ קבצנים, וואס פאר א רוח טראגט זיי צו אונז ?

— קוקט נאר אן ווי זי קוקט זיך אזוי אומעטום ארום, פונקט, ווי זי איז דא גע קומען צו איהר טאטענס וויינגארטנער.

— נישט קשה, איהר קוקט אן ווי זי קוקט איצט אזוי אויף אונז מיט א רחמנות פּנים, האט נאר רחמנות אויף די בראדיאגעס, וועט איהר זעהען אז דער נאך וועט זי נאך מיט עזות זיך שטופען פריהער פון אייך אין די טיהרען אויסנא פען די בעסטע נדבה, איך קען שוין גוט די לייט !...

קאפיטאל בשר'ט

צו זענען די באלשעוויקעס כשר אדער טרפה ווענדעט זיך אן דעם אויב די אמע-ריקאנער קאפיטאליסטען וועלען זיי פער-קויפען סחורה [illegible]

אדווערטייזט אין "וועג"

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אויגען ווייטאג קאפ-שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ניטיגע ברילען.
די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען
אפטאמעטריסט
Frosh O. D.
אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגןאיבער עהרליך"ס דזשועלרי סטאר.

אלומינום און גראניט-ווערער לכבוד פסח
אויך א פולען ליין קראקערי קריגט איהר ביי

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאר געגרע ליינס:
קאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, טוירטענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפלים ליין אין לידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענער פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייז סוטס און קאוטס. א קאמפלים ליין פון טיילאר און דרעס מייקערס טרימינגס.

ווילט איהר
סייווען
30 פראצ. ?
ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוס ראנס, בערינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

האלס
צו פארענטען. אין אידישען אר-בייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי-טערארישע אווענטען קאנצער-טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

הנעלים פתחו את פיהם ואומרים
חדש ימינו כקדם



נאך איין קאלטען און נאסע ווינטער האבען אייערע שיך אויפגעעפענט זייערע מיילער און בעטען זיך רחמים אז איהר זאלט זיי באנייען, און דאס קענט איהר ערפיהלען זייער וואונש אין

האלפערין בראס. ענד דייוויס סטאר

וואס איז אימער געווען פארעכענט פאר די בעסטע קוואליטי און סטיילישע שיך אויף הייסטינגס סט. און פיר היינטיגען פסח האבען מיר זיך מעהר ווי אלע מאל אויסגעצייכענט אין פעשאנאבל שיך און פאמפס. איהר מוזט בעטראכטען אונזערע ווינדאס צו זעהן די ריכטיגע סטיילס, און איהר מוזט אנטריינען אונזערע שיך אויף אייערע פיס צו באמערקען די פיטינג קוואליטי. און דאס קענט איהר אקאמפלישאן ביי אריינקומען יעצט ווען דער סטאק אונזערער איז קאמפליט און אונזערע סיילס-לייטס זיינען ניט צו ביזע צו אטענדען אייך ריכטיג. ווארט ניט ביז דער לעצטער מינוט, אייך איז שוין גוט באקאנט, וואס דאס מיינט אריינצוקומען אין א סטאר די לעצטע פאר טעג בעפאר יו״ט ווא איהר דארפט אפטמאל ווארטען שטונדען לאנג ביז מען אטענדעט אייך.

די ערשטע זאך אויף אייער פראגראם זאל זיין צוקויפען שיך

איהר מעגט האבען דעם שענסטען סוט אדער די שענסטע הדעס, קאם זיינען אייערע שיך אלטע און ארויס פון שייפ, און די הילס זיינען צודרייט, דאן פערלירט דער גאנצען אנטהאן זיך דעם פראכט און גלאנץ. קויפט יעצט וועט איהר אונז דאנקבאר זיין.

HALPERIN BROS, & DAVIS

א פרעהליכען יום טוב

וועט איהר האבען ווען איהר וועט קויפען. אייערע

סוטס און ספרינג קאוטס

ביי

בלאק און פופקא

492 הייסטינגס סטריט

אונזערע קאסטאמערס וויסען, אז מיר שטעלען זיי צופרידען צו יעדער צייט. סטייל, קוואליטי און קליינע פרייזען געהן ביי אונז האנט אין האנט.

אונזער ליין פון סילק שורטס מענס העטס איז די שענסטע וואס עס קען נאר געבען. איהר קריגט יעדען מאדעל וואס דער מארקעט פראדוצירט.

מיר בעטען אונזערע פריינט, ניט צו ווארטען אויף דעם לעצטען טאג פאר יום טוב.

אונזער סטאק געהט זעהר שנעל, קומט באצייטענס לאמיר אייך צופרידענשטעלען.

Block & Pupco

492 Hastings Street

דינים און משפטים

פראגען וועגען געזעץ באאנטווארט פון
י. ה. לימאן און מ. ליסס

ווערטהער הערר לאיער: —

ווען קומענדיג קיין דעטראיט מיט א דריי יאהר צוריק, האב איך מיט מיין פרוי (זי איז געווען מיין צווייטע פרוי) א הויז געקויפט אויף אונזערע ביידענס נעמען. עטליכע מאנאטען צוריק איז מיין פרוי געשטארבען און איהרע ערוואקסענע קינדער בעטען יעצט א חלק אין דער הויז, טענה'נדיג אז ס'קומט זיי בירושה פון זייער מוטער. איז דאס טאקע דער געזעץ אין מישיגאן?

משה ראפפארט, 90 עלען סט.

תשובה.

אייער פרוי'ס קינדער קענען גאר נישט קריגען. ווען פראפערטי ווערט געקויפט אויף דעם מאן און פרוי'ס נעמען באלאנגט די פראפערטי צו ביידען צוזאמען גלייך, און ווען איינער פון זיי שטארבט, דאן באלאנגט די גאנצע פראפערטי צו דעם וואס איז געבליבען לעבען.

פראגע

ווערטהע אדוואקאטען:

שוין עטליכע מאנאטען דאס איך האב א דעפאזיט געגעבען אויף א הויז, און די פארקויפער, מאן און פרוי, ווילען נישט סעטלען. זיי ווילען מיר אפגעבען צוריק דעם דעפאזיט אבער איך וואלט זעהר וועלען האבען די הויז.

וואס זאל איך טאן?

סעם קאהען, היילאנד סט.

תשובה.

ערשטענס, מוזט איהר זיי, די פארקויפער, אפערען ד. ה. זיי געבען דיא באשטימטע סומע. ווען זיי ווילען נישט נעהמען און ווילען נישט דורכגעהן מיט דעם סייל, וואלט געווען ראטזאם דאס איהר זאלט ארויסקריגען אן אינדזשאנקשאן אויף די פארקויפער דאס זיי זאלען נישט פארקויפען, אדער צוגרעבען אדער סתם פארניכטען אירגענד וועלכען חלק פון דער הויז. און דאן פאנגט אן א „ספעסיפיק פערפארמענס פראצעס געגען די פארקויפער. און פארלאנגט פון קאורט דאס דער קאורט זאל זיי צווינגען דורכגעהן מיט דעם סייל.

פראגע

ווערטהע לאיערס:

איז דאס אמת אז די יונייטעד סטייטס לאא פארבאט א מאן וועמעס פאמיליע איז אין יוראפ צו ווערען אן אמעריקאנער סיטיזען?

שלמה חיים רובין,

פרעדריק סט., דעטראיט

תשובה.

ניין, אזא לאא עקזיסטירט נישט. עס ווענדעט זיך אין דעם דזשאדזש. אז ער וויל, קען ער און האט די רעכט אפצוהאלטען די סיטיזענס פייפערס און נישט געבען זיי צו דעם אפליקאנט ביז זיין פאמיליע וועט קומען. אין די קליינע שטעדטלאך, ספעציעל וואו ס'זיינען דא ווייניג אימיגראנטען זיינען די דזשאדזשעס נישט קיין גרויסע מקפידים און זיי גיבען דיא פייפערס אפילו צו יעניגע וועמענס פאמיליעס זיינען נאך אין יוראפ. איידער די מלחמה האט אויסגעבראכען, פלעגט אפילו אין די גרויסע שטעדט זיין גאנץ לייכט צו קריגען די צווייטע פייפערס, כאטש די פאמיליע איז נאך אין יוראפ געווען.

פראגע

ווערטהער, לויער פון 'ווענ'.

איך בין א שניידער און נעהם אן אין מיין סטאר אויף קלינינג, ריפיירינג און פרעסינג. לעצטענס שבת צו נאכט איז אין מיין סטאר פארגעקומען א גנבה, מ'האט אלעס ארויסגעטראגען פון מיין סטאר. די פאליס דעפארטמענט וויים פון דער גנבה. יעצט קומען מיינע קאסטומערס טעגליך און פארלאנגען באצאלט פאר זייערע באגנב'עטע זאכען.

דארף איך זיי באצאהלען?

אייערע, סעם בערקמאן

תשובה.

ניין. אויב איהר האט אכטונג געגעבען אויף אייער פלאץ ווי א דורכשניטליכער מענש דארף אכטונג געבען; נישט זייענדיג קיין שומר חנם אדער א שומר כסף, נור האלטענדיג די זאכען, פאר אייער און פאר אייערע קאסטימערס טובת וועגען, מוזט איהר נאר אכטונג געבען. ווען רויבער ברעכען אריין אין א סטאר, דאס איז אזא מין צופאל וואס איהר קאנט נישט קאנטראלירען. אלעס וואס איהר דארפט טאן איז, האלטען דעם פלאץ דורכשניטליך זיכער, פאר גנבים, אויב איהר האט דאס געטאן דאן זייט איהר פטור.

ווייטערע תשובות — נעקסטען פרייטאג

רבי לעווין וועט רעדען

היינטיגען שבת (שבת הגדול) וועט

הרב יהודה ליב לעווין

רעדען 4 אוהר נ. . אין

פארנסווארט סט. שוהל מגן אברהם

איבער דער טעמא:

אליהו הנביא

צוליעב פאראדעווסקים פיאנא.

שלום פון זייט 4

זיי וואלטען מיר זיכער נאכגעגעבען נאר פלוצלונג איז אנגעלאפען א זעצער מיט א זעזמאשין אין האנט און אויסגעשריען:

— אהא, איהר זענט דא! הערט-זשע, אדער ברענגט אין ציים אייערע ארטיקלען, אדער איך נעהם און צעברעך די זעזמאשין פאר אייערע אויגען, אזוי ווי פאראדעווסקי האט צעבראכען זיין פיאנא!

. או זאיך בין א דערשראקענער אוועקגעלאפען אנשרייבען אט-אדאס ארטיקעל.

יום טוב רעדעס

דעם ערשטען טאג פסח בייטאג 4.30 וועט דער וויגדיגער רב רעדען אין

בית יעקב שוהל.

דעם 2-טען טאג פסח 10 אין דער פריה אין

בני ישראל שוהל,

מאלעט סט.

שווינדלערייען אין פסחכשרות אנגעלעגענהייטען

אזוי ווי אין געוויסע סטארס, גראסערעס און בעקערייעס שטעלט מען ארויס „סיינס" מיט אן אויפשריפט „בהכשר הרב דפה" מיט וועלכען מ'קען פארבלענדען די אויגען פון אומשולדיגע קאסטימער, אלזא איז מיין פליכט באקאנט צו מאכען דאס איך האב ניט געגעבען קיין הכשר אויף גראסערעס אדער געבעקס און איך גלויב אויך אז קיין רב האט ניט געגעבען.

זאלט איהר וויסען אז יעדעס ליבעל וואס טראגט ניט דעם זיגעל פון א געוויסען רב אדער פון ועד הרבנים דפה האט ניט קיין ווערט.

יהודה ליב לעווין, הרב
אגודת הרבנים דפה.

לכבוד פסח

אלע אוקלאנדער אי דען. מענער פרויען און קינ-
דער קויפען זייערע



שיך

נאר אין

קאפלאנס קוואליטי שוה סטאר
301 וועסטמינסטער עוועניו

2 יאהר אין דעם זעלבען פלאץ. דער סטאר וואס האט א רעפוטיישאן פאר קוואליטיס און גרויסע וועליום און קליינע פרייזען.
מיר האבען דעם גרעסטען סטאק, די שענסטע פעשאנס און סייזען אייך פון $25 ביז $40 פראצענט אויף ספרינג וועליום. קומט איידער עס ווערט א ראש.

מיר גאראנטירען יע דע פאר שיך. געלט צוריק ווען ניט צופרידען.

The House of Epstein
400-2 Hastings Street

לכבוד פסח

א $50,000 סטאק

האט מר. אב עפשטיין ערשט לעבראכט פון ניויארק, די שענסטע מענס סוטס, און ספרינג קאוטס, באיעס און טשילדרענס קלאדינג לייטעס סטיילס און שענסטע פעטערנס סילק שורטס, נעקוועהר, מענס קאוטס און א פולע ליין פון דזשענטס פורנישינג.

ספעשעל רעדאקשאן ביז
פסח

ווארט ניט אויף ערב פסח און נוצט שוין אויס די געלעגענהייט. — מיר ווינשען אונזערע קאסטעמער - א פרעהליכען און כשר'ן פסח.

די הויז און עפשטיין
400-402 הייסטינגס סט.

שווינדלערייען אין פסחכשרות אנגעלעגנהייטען

אזוי ווי אין געוויסע סטארס, גראסערעס און בעקערייען שטעלט מען ארויס „סיינס" מיט אן אויפשריפט „בהכשר הרב דפה" מיט וועלכען מ'קען פארבלענדען די אויגען פון אומשולדיגע קאסטומער, אלזא איז מיין פליכט באקאנט צו מאכען, דאס איך האב ניט געגעבען קיין הכשר אויף גראסערעס אדער געבעקס און איך גלויב אויך אז קיין רב האט ניט געגעבען.

זאלט איהר וויסען אז יעדעס לייבעל וואס טראגט ניט דעם זיגעל פון א געוויסען רב אדער פון ועד הרבנים דפה האט ניט קיין ווערט.

יהודה ליב לעווין, הרב
אגודת הרבנים דפה.

יום טוב רעדעס

דעם ערשטען טאג פסח בייטאג 4.30 וועט דער וויגדינער רב רעדען אין
בית יעקב שוהל.
דעם 2-טען טאג פסח 10 אין דער פריה
אין
בני ישראל שוהל,
מאלעט סט.

ר' בי לעווין וועט רעדען

היינטיגען שבת (שבת הגדול) וועט
הרב יהודה ליב לעווין
רעדען 4 אוהר נ. . אין
פארנסווארט סט. שוהל מגן אברהם
איבער דער טעמא:
אליהו הנביא

צוליעב פאדערעווסקים פיאנא.

שלום פון זייט 4

זיי וואלטען מיר זיכער נאכגעגעבען נאר פלוצלונג איז אנגעלאפען א זעצער מיט א ועוו־מאשין אין האנט און אויסגעשריען:

— אהא, איהר זענט דא! הערט־זשע, אדער ברענגט אין צייט אייערע ארטיקלען, אדער איך נעהם און צעברעך די זעוו־מאשין פאר אייערע אויגען, אזוי ווי פארערעווסקי האט צעבראכען זיין פיאנא!

או זאיך בין א דערשראקענער אוועקגעלאפען אנשרייבען אט־דאס ארטיקעל.

...ינים און משפטים

פראגען וועגען געזעץ
באאנטווארט פון
י. ה. לימאן און מ. ליסס

ווערטהער הערר לאיער: —

ווען קומענדיג קיין דעטראיט מיט א דריי יאהר צוריק, האב איך מיט מיין פרוי (זי איז געווען מיין צווייטע פרוי) א הויז געקויפט אויף אונזערע ביידענס נעמען. עטליכע מאנאטען צוריק איז מיין פרוי געשטארבען און איהרע ערוואקסענע קינדער בעטען יעצט א חלק אין דער הויז, טענה'נדיג אז ס'קומט זיי בירושה פון זייער מוטער. איז דאס טאקע דער געזעץ אין מישיגאן?

משה ראפפארט, 90 עלען סט.

תשובה:

אייער פרוי'ס קינדער קענען גאר נישט קריגען. ווען פראפערטי ווערט געקויפט אויף דעם מאן און פרוי'ס נעמען, באלאנגט די פראפערטי צו ביידען צוזאמען גלייך, און ווען איינער פון זיי שטארבט, דאן באלאנגט די גאנצע פראפערטי צו דעם וואס איז געבליבען לעבען.

פראגע

ווערטהע ארוואקאטען:

שוין גענויע דריי מאנאטען דאס איך האב א דעפאזיט געגעבען אויף א הויז, און די פארקויפער, מאן און פרוי, ווילען נישט סעטלען. זיי ווילען מיר אפגעבען צוריק דעם דעפאזיט אבער איך וואלט זעהר וועלען האבען די הויז.

וואס זאל איך טאן?

סעם קאהען, לילאנד סט.

תשובה:

ערשטענס, מוזט איהר זיין, די פארקויפער, אפערען ד. ה. זיי געבען דיא באשטימטע סומע. ווען זיי ווילען נישט נעהמען און ווילען נישט דורכגעהן מיט דעם דייל, זאלט געווען ראטזאם דאס איהר זאלט ארויסקריגען אן אינדזשאנקשאן אויף די פארקויפער דאס זיי זאלען נישט פארקויפען, אדער ברעכען אדער סתם פארניכטען איינער וועלכען חיק פון דער הויז. אין דאן פאנגט אן א „ספעסיפיק פער־פארמענס פ־אצעס געגען די פארקויפער. אין פארלאנגט פון קאורט דאס דער קאורט זאל זיי צווינגען דורכגעהן מיט דעם דייל.

פראגע

ווערטהע לאיערס:

איז דאס אמת אז די יונייטעד סטייטס האט פארבאט א מאן ניעמעס פאמיליע איז אין יוראפ צו ווערען אן אמעריקאנער סיטיזען?

שלמה חיים רובין,
פרעדריק סט., דעטראיט

תשובה:

ניין, אזא לאו עקזיסטירט נישט. עס ווענדעט זיך אן דעם דזשאדזש. אז ער וויל, קען ער און האט די רעכט אפצוהאלטען די סיטיזענס פייפערס און נישט געבען זיי צו דעם אפליקאנט ביז זיין פאמיליע וועט קומען. אין די קליינע שטעדלאך, ספעציעל וואו ס'זיינען דא ווייניג אימיגראנטען זיינען די דזשאדזשעס נישט קיין גרויסע מקפידים און זיי גיבען דיא פייפערס אפילו צו יעניגע וועמענס פאמיליעס זיינען נאך אין יוראפ. איידער די מלחמה האט אויסגעבראכען, פלעגט אפילו אין די גרויסע שטעדט זיין גאנץ לייכט צו קריגען די צווייטע פייפערס, כאטש די פאמיליע איז נאך אין יוראפ געווען.

פראגע

ווערטהער לויער פון „וועג".

איך בין א שניידער און נעהם אן אין מיין סטאר אויך קלינינג, ריפיירינג און פרעסינג. לעצטענס שבת צו נאכט איז אין מיין סטאר פארגעקומען א גנבה, מ'האט אלעס ארויסגעטראגען פון מיין סטאר. די פאלים דעפארטמענט ווייס פון דער גנבה. יעצט קומען מיינע קאסטומערס טעגליך און פארלאנגען באצאלט פאר זייערע בא'גנב'עטע זאכען.

דארף איך זיי באצאהלען?

אייערע, סעם בערקמאן

תשובה:

ניין. אויב איהר האט אכטונג געגעבען אויף אייער פלאץ ווי א דורכשניטליכער מענש דארף אכטונג געבען; נישט זייענדיג קיין שומר חנם אדער א שומר כסף, נור האלטענדיג די זאכען, פאר אייער און פאר אייערע קאסטומערס טובה וועגען, מוזט איהר נאר אכטונג געבען. ווען רויבער ברעכען אריין אין א סטאר, דאס איז אזא מין צופאל וואס איהר קאנט נישט קאנטראלירען. אלעס וואס איהר דארפט טאן איז, האלטען דעם פלאץ דורכשניטליך זיכער פאר גנבים. אויב איהר האט דאס געטאן דאן זייט איהר פטור.

וויטערע תשובות — נעקסטען פרייטאג

הנעלים פתחו את פיהם ואומרים
חדש ימינו כקדם

נאך איין קאלטען און נאסע ווינטער האבען אייערע שיך אויפגעפענט זייערע מיילער און בעטען זיך רחמים או איהר זאלט זיי באנייען, און דאס קענט איהר ערפיהלען

זייער וואונש אין

האלפערין בראס. ענד דייוויס
סטאר

וואס איז אימער געווען פאר'רעכענט פאר די בעסטע קוואליטי און סטיילישע שיך אויף היגער סט. און פיר היינטיגען פסח האבען מיר זיך מעהר ווי אלע מאל אויסגעצייכענט אין פעשאנאבלע שיך און פאומפס, איהר מוזט בעטראכטען אונזערע. ווינדאס צו זעהן די ריכטיגע סטיילס, און איהר מוזט אנטרייען אונזערע שיך אויף אייערע פיס צו באמערקען די פיטינג קוואליטי, און דאס קענט איהר אקאמפלישאן ביי אריינקומען יעצט ווען דער סטאק אונזערער איז קאמפליט און אונזערע סיילס־לייט זיינען ניט צו ביזי צו אטענדען אייך ריכטיג. ווארט ניט ביז דער לעצטער מינוט, אייך איז שוין גוט באקאנט, וואס דאס מיינט אריינצוקומען אין א סטאר די לעצטע פאר טעג בעפאר י"ט וואו איהר דארפט אפטמאל ווארטען שטונדען לאנג ביז מען אטענדעט אייך.

די ערשטע זאך אויף אייער פראגראם זאל זיין צוקויפען שיך

איהר מעגט האבען דעם שענסטען סוט אדער די שענסטע דרעס, קאם זיינען אייערע שיך אלטע און ארויס פון שייפ, און די הילס זיינען צודרייט, דאן פערלירט דער גאנצען אנטהאן זיך דעם פראכט און גלאנץ. קויפט יעצט וועט איהר אונז דאנקבאר זיין.

HALPERIN BROS, & DAVIS

לכבוד פסח

אלע אוקלאנדער אי דען, מענער פרויען און קינדער קויפען זייערע

שיך

נאר אין



קאפלאנס קוואליטי שוה סטאר
301 וועסטמינסטער עוועניו

2 יאהר אין דעם זעלבען פלאץ, דער סטאר וואס האט א רעפוטיישאן פאר קוואליטיס און גרויסע וועליוס און קליינע פרייזען.
מיר האבען דעם גרעסטען סטאק, די שענסטע פעשאנס און סיזען אייך פון $25 ביז $40 פראצענט אויף ספרינג וועליוס. קומט איידער עס ווערט א ראש.

מיר גאראנטירען יע דע פאר שיך. געלט צוריק ווען ניט צופרידען.

The House of Epstein
400-2 Hastings Street

לכבוד פסח

א $50,000 סטאק

האט מר. אב עפשטיין ערשט לעבראכט פון ניויארק, די שענסטע מענס סוטס, און ספרינג קאוטס, באיעס און טשילדרענס קלאדינג לייטעס סטיילס און שענסטע פעטערנס סילק שוירטס, נעקווערר, מענס קאוטס און א פולע ליין פון דזשענטס פוירנישינג.

ספעשעל רעדאקשאן ביז
פסח

ווארט ניט אויף ערב פסח און נוצט שוין אויס די געלעגנהייט. — מיר ווינשען אונזערע קאסטעמער - א פרעהליכען און כשרן פסח.

די הויז און עפשטיין
400-402 הייסטינגס סט.

א פרעהליכען יום טוב

וועט איהר האבען ווען איהר וועט קויפען אייערע

סוטס און ספרינג קאוטס

ביי

בלאק און פופקא
492 הייסטינגס סטריט

אונזערע קאסטאמערס וויסען, אז מיר שטעלען זיי צופרידען צו יעדער צייט. סטייל, קוואליטי און קליינע פרייזען געהן ביי אונז האנט אין האנט.

אונזער ליין פון סילק שורטס מענס העטס איז די שענסטע וואס עס קען נאר געבען. איהר קריגט יעדען מאדעל וואס דער מארקעט פראדוצירט.

מיר בעטען אונזערע פריינט, ניט צו ווארטען אויף דעם לעצטען טאג פאר יום טוב.

אונזער סטאק געהט זעהר שנעל. קומט באצייטענס לאמיר אייך צופרידענשטעלען.

Block & Pupco
492 Hastings Street

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

פרייטאג, 26טען מארטש 1920

צווישען זיך גערעדט

פטור בלא כלום אי אפשר. האבען מיר דאך מן הסתם פיינשמעקער צווישען אונזערע לעזער און צו די יעניגע קוראים נכבדים ווילען מיר פארבאפען באלד ביי די ערשטע שורות און זיי זאגען: לייענט היינט נישט דעם עדיטאריעל, ווייל ער איז מעהר און אנגעהט מעהר פאר די נוצען פון דער צייטונג גופא.

יא מיר האבען בדעה איבערצוגעבען דאס פלאן פונם לייטארטיקעל אין היינטיגען נומער „וועג" פאר אונזערע אייגענע צילען, וועלכע זיינען, אדער דארפען אייגענטליך זיין אינטערעסאנט דעם לעזער.

ווען אפילו א צייטונג ווערט פארוואלטעט פון א פריוואטען אונטערנעהמער, ווען אפילו דער בעל הבית, אדער בעלי בתים פון דער צייטונג האבען אינזינען דורך דער צייטונג צו פארגרעסערן זייער קאפיטאל, אייך דעמאלט קען א צייטונג נישט זיין גאנץ אפגעזונדערט און נישט קאנטראלירט פון דעם לעזער.

א צייטונג איז נישט קיין קתאם.

אויף דער צייטונג ווירקט נישט נאר דער אינטעליגענטער, נאר אפילו נאר אפילו דער דורכשניטליכער לעזער. דיזע צוויי כתות וואס איבען אויס זייער איינפלוס אויף דער צייטונג פיהרען תמיד און אומזעהבארען קאמף צווישען זיך און וועלכע עס איז שטארקער, די האט די צייטונג אויף איהר זייט.

מיינט עס: בכן, אז עס דארף יא פאראינטערעסירען דעם לעזער די מאטעריעלע און מאראלע זייט פון דער צייטונג, אפילו דעמאלט, ווען די צייטונג געהערט צו א פריוואטען אונטערנעהמער.

דער „וועג" איז אבער נישט קיין אונטערנעהמונג פון א פריוואטען מענשען, אדער שפעקולאנט.

עס איז א קאאפעראטיווע אונטערנעהמונג.

דעם שרייבער פון דיזען ארטיקעל זיינען נישט באקאנט גענוי די צאהל פון די וואס זיינען פינאנציעל פאראינטערעסירט אין דעם „וועג". זיכער אבער איז עס, אז זייער צאהל איז א באדייטענדע.

און ווידער איז עס זיכער, אז קיין איינער פון די אלע „שערהאלדערס" האט נישט אינזינען צו ווערען א עושר פון זיין „אינוועסטמענט"; קיין איינער האט נישט געקויפט קיין שערס מיט דעם באוואוסטזיין אדער גלויבען, אז ער וועט קענען ס'גיט אין „מאכען א לעבען" פון די שערס.

די איינציגע „שער האלדערס" וואס זיינען געווען אזוי פריינדליך און זיך באקענט מיט דעם שרייבער פון דיזע צייל[ען], האבען אלע אונז פארזיכערט אז זייער איינציגער צוועק איז געווען צו זעהן דא אין שטאדט א ריינע, א זויבערע לאקאלע צייטונג, וואס זאל העלפען יעדער ווינשענסווערטער אינסטיטוציע אין איהר עקזיסטענץ; בריען יענע אינסטיטוציעס, וועלכע פעהלען דא און פארלייכטערען די ארבייט פון די מתעסקים פון די שוין עקזיסטירענדע; באלייכטען די טאגעס פראגען פון אן אומפארטייאישען און ערהליכען שטאנדפונקט און רעאגירען אויף די שטאדטישע פאסירונגען פון דעמזעלבען ריינעם אומפארטייאישען שטאנדפונקט.

פאר דער צייט וואס די רעדאקציע און די פאראנטווארטליכע פיהרונג פון דיזער צייטונג איז איבערגעגעבען געווארען דעם שרייבער פון דיזע צייל[ען], האט ער זיך באמיהט נאכצוקומען אט דיזען ווילען פון די פאראינטערעסירטע אין דער צייטונג.

אז אונזער באמיהונג איז נישט אינגאנצען אומזיסט געווען, דיענען אונז פאר א פאקט די פיעלע קאמפלימענטען פון פיעלע פון די דערמאהנטע הערען און פון פיעלע פון אונזערע לעזער; פאר א פאקט קען מען אויך אננעהמען דאס, וואס די צאהל פון אונזערע לעזער ווערט גרעסער פון טאג צו טאג. מעהר נאך — די אכטונג פון די לעזער.

מיר ווילען זיך אבער נישט איינרעדען אפילו קיין איין מינוט, אז אט האלטען מיר שוין ביי פאלקאמענהייט. ווען אפילו די צייטונג וואלט אין דעם משך פון איהר קורצען עקזיסטענץ נישט געווען באגאנגען אזעלכע טעותים, ווי זי איז באגאנגען; אפילו ווען איהר מאראלע זייט און איהר נאמען וואלט קיינמאל נישט געווען געליטען איבער פארשיעדענע פארצייליכע און נישט פארצייליכע טעותים, איז עס אויך שווער אין א יאהר, אדער אפילו אין א פאר יאהר צו ברענגען א צייטונג צו פאלקאמענהייט.

ובפרט ווען די צייטונג איז אינגאנצען אלט עטוואס מעהר פון א יאהר, און בפרט ווען אין דיזען יאהר האט מען צייט געהאט צו מאכען כל ערליי טעותים גרויסע און נאך גרעסערע.

פונדעסטוועגען זאל דאס אונז נישט אפהאלטען צו זאגען אז ביי היינטיגען טאג געהט דער „וועג" זעהר פארזיכטיג אויף זיין וועג, היט זיך פאר נייע טעותים, מאכט יעדען שריט איבערגעלעגט און באגעגענדיג זיך דערווייל מיט דעם ביסעלע און פיעל אפגעשעצטען צוטרוי, וואס די לעזער האבען צו אונז, מארשירען מיר אלין פאראויס צו די צילען און צוועקען, וואס מיר האבען זיך געשטעלט ביים איבערנעהמען די פאראנטווארטליכקייט פון דיזער צייטונג און וועלכע עס האבען געהאט די פאראינטערעסירטע אין דער צייטונג, ווען זיי האבען זיך אנגעשלאסען אלס שערהאלדערס.

מיר מיינען אבער אז זעהר וועניג, כלל טוער זיינען פאראינטערעסירט אין דער „וועג פאבלישינג קאמפאניע". לויט אונזער מיינונג איז עס מעהר אין די אינטערעסען פון די פארשיעדענע ערליי מתעסקים פון די פארשיעדענע געזעלשאפטען, אז דא זאל עקזיסטירען א אידישע צייטונג, וואס זאל זיי העלפען אין זייערע ארבייטען.

אמת, טאקע אז עס וועט אונז נישט אפהאלטען צו העלפען זיי אפילו ווען זיי זאלען ווייט שטעהן פון די מאטעריעלע קוועלען פון דער צייטונג. אבער זיי אליין וואלט א סך באקוועמער געווען, ווען זיי זאלען — מעג די סומע ווי קליין זיין — פאראינטערעסירט זיין מאטעריאל אין דער צייטונג.

וועגען די נוצען וואס די מתעסקים וואלטען דערפון געהאט און מיט וויפיעל זיי וואלטען דער רעדאקציע (די שרייבער) פארלייכטערט אין זייער ארבייט אויף איינצושטעהנערן די צייטונג, איז דאכט זיך איבעריג א ווארט צו פארליערען. דאס קען יעדער לעזער פארשטעהן.

שפריצען

לאנגזאם אבער גוט.

העדט וואס אין ניו יארק האט פא־סירט: דעטעקטיווס האבען ענטדעקט אין א פאן־שאפ א ווינטער מאנטעל, וואס כ'האט געהאט צוגע'גנב'עט מיט צעהן יאהר צוריק, און דער מאנטעל איז נאך געווען שפאגעלניי.

כ'בין שוין מוחל די דעטעקטיווס זייער לאנזאמקייט, ווען זיי קענען נאר ענטדעקען א טשיקען, וואס מ'האט ביי מיר אוועקגע'גנב'עט מיט פופצעהן יאהר צוריק, און זי זאל נאך זיין פריש...

* * *

ער לויפט פון פריזאן

דעבס האט זיך אונטערגעשריבען צו לויפען פאר פרעזידענט אלס קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

דעבס איז דער איינציגער פריזאנער, וואס מעג לויפען פון פריזאן און מען קען איהם אפילו ניט נאכשיסען...

* * *

א וואוילער „פעטענט"

הורא! די קאנטר רעוואלוצ[...]־ען, וואס האבען געהאט פארכאפט די רעגירונג פון דייטשלאנד, האבען באלד גע־מוזט אויפגעבען זייער ממשלה.

ווי אזוי? פשוט: ביי דער פיהע־די־גער דייטשער רעגירונג האט זיך געפונען א צעטעל פון ק־וב פופציג מלחמה־שול־דיגע, וועלכע די עלייעס פאדערען ארויס צום משפט. צווישען זיי זענען די מעה־ס־טע [...]ען פון די נייע רעגירער.

ס'[...] נו, האט עבערט צוגעשיקט די ליסטע אז זיי מוזען זיך גלייך איבערגע־בען צו די עלייעס און — אויס קאנטר־רעוואלוציע....

* * *

אוי, די אונטערזוכונגען!

דער איטאליענישער האנדעלס און אר־בייטס־מיניסטער האט ערקלערט, אז מען זאל אונטערזוכען דאס באלשעוויזם און אויב זייער רעגירונגס־פאר־ם איז די בעס־טע, זאלען זי אלע לענדער אננעהמען.

ס'וועט זיין מסתמא דאסזעלבע וואס מ'ט'ן יקרות. מ'האט אזוי לאנג אונטער־זוכט דעם יקרות, ביז אלע לענדער הא־בען איהם אנגענומען...

* * *

זי וועט איהם צונויז קומען

אין ענגלאנד גרינדעט זיך א נייע פא־ליטישע פארטיי, פון וועלכע לא־רד דזשארדזש וועט זיין דער פיהרער.

לאיד דזשארדזש האט זיך ביז איצט געוואקעלט צווישען די צוויי פארטייען: קאנסערוואטיוון און ליבעראלען. יעצט מוז ער האבען א ד־יטע פארטיי אויף וועלכע זיך אנצושפארען, איידער די לי־באר־פארטיי ווארפט איהם אינגאנצען אוס...

* * *

וואויל איז זיי!

אין פראנקרייך האט מען ארויפגע־לעגט א צעהן פראצענט טאקסע אויף בחורים.

גליקליכע בחורים! פארהייראטע מענער מוזען צאהלען (צו זייע־ע ווייבער) א הונדערט פראצענט טאקסע!...

* * *

גענעראלען

א גענע־אל סטרייק אין פראנקרייך, א גענעראל סטרייק אין דייטשלאנד.

דאס קאן אמאל צווינגען די גענעראלען פאש און הינדענבורג זיך צו פאר־איינגינען געגען דעם אינטערנאציאנאלען „גענעראל" סטרייק.

* * *

זיצען און לויפען

יודזשין וו. דעבס, וועלכער זיצט אין פריזאן, האט באשלאסען צו לויפען אלס פרעזידענטס קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

עס איז זיכער אז ער וועט מיט זיין „זיצען" ציהען מעהר שטימען ווי מיט זיין „לויפען".

* * *

א גוטע פשרה

אמעריקא וואלט זיך זעהר גרינג גע־קענט איינינען מיט די עלייעס וועגען דער טערקישער פראגע אויף דעם פאלגענ־דען קאמפראמיס:

דער טערק זאל בלייבען אין קאנסטאנ־טינאפאל, ווי די עלייעס ווילען דאס, און קאנסטאנטינאפאל זאל ניט בלייבען ביי דעם טערק ווי אמעריקא וויל דאס.

* * *

רויט און געל

יאפאנעזישע סאלדאטען אין סיביר האבען רעוואלטירט און געווארען באל־שעוויקעס.

אז „רויטע" קאנען ווערען „געל" פאר וואס זאלען די „געלע" ניט קאנען ווער־רען „רויט"?

* * *

דער רבי לערנט

דער פרעזידענט איז שוין צוויי מאל אויסגעפאהרען. — ער לערנט זיך ארויס צופאהרען.. פון ווייסען הויז...

ענגלישע צייטונגען וועגען ניובערי משפט

איבערזעצט פאר'ן „וועג"
פון ז. ר.

ניובערי'ס משפט איז פון אנפאנג אן געווארען א נאציאנאלע פראגע. דאריבער איז ניט קיין וואונדער, וואס כמעט אלע צייטונגען איבער'ן לאנד האבען זיך עדי־טאריעל אפגערופען, ווען דער פסק איז באוואוסט געווארען. מיר גיבען דא אי־בער איניגע עדיטאריעלס.

די ניו יארקער „איווינינג פאסט" דריקט אויס עדיטאריעל צופרידענהייט מיט דעם אויסגאנג פון סענאטאר ניו־בערי'ס משפט. דער רעזולטאט איז, לויט דער „פאסט" מיינונג, „א הייליזאמע פאר־אורטיילונג" און די צייטונג ראט ניו־בערי'ן, דאס ער זאל ניט זיין אנוועזענד אין סענאט, ביז די אויספארשונג, וואס ווערט פון'ם סענאט אנגעפיהרט, וועט פארענדיגט ווערען. די עדיטאריעל לעזט זיך ווייטער:

„אי דער אנגאנג אי דער אויסגאנג פון ניובערי'ס משפט זענען צופרידענשטע־לענד. ריכטער סעשאנס האט שטרענג גע־האלטען ביידען, אי דעם אנקלאגער אי דעם פאר־טיידיגער, צום פונקט, צו די אנגעקלאגטע האבען יע אדער ניט איבער־געטראטען דעם געזעץ, וועלכער באגרע־נעצט די סומע פון וואהל־הוצאות, און צי אין דעם, וואס די באשולדיגטע הא־בען אליין צוגעגעבען, דאס זיי האבען פארשווענדעט אינ'ם קאמפיין גרויסע סו־מען געלט, איז יע אדער ניט געווען א קאנספיראציע איבערצוטרעטען דאס גע־זעץ. אט דאס האט אויסגעשלאסען די פ־אגע וועגען העכערע פארדעם פאסינקייט צו פארטרעטען מישיגען אין סענאט און אויך דעם שלום, אז אלע מיטלען זענען געווען באר־עכטיגט, כדי איהם דורכצופ־וו־אס'ען.

„דער נאקעטער פאקט איז, אז דאס פאלק פון מישיגען שטאט האט דורכגע־פיהרט זיין שטרענגען געזעץ צו באגרע־נעצן די אויסגאבען פון א קאמפיין, שוין צוליעב בלויז אט דעם ציעל, וואס אין א פאליטישען קאמף קען די לייידענשאפט פארפיהרען די אנטיילנעהמער צו געלט־פארשווענדעריישען. דער ניובערי־משפט איז געווען מעהר ווי א משפט פון די בא־שולדיגטע, ער איז געווען אן אויספרובי־רונג פון'ם געזעץ. אויב דאס געזעץ וואלט ניט געקענט באשטאטען די פער־זאנען, וועלכע האבען פארפלייצט דעם שטאט מיט געלט, ווי דאס האט פאסירט דורך דער ניובערי־ארגאניזאציע אין יאהר 1918, דאן איז גאנץ קלאהר, אז דאס גע־זעץ דארף פארשטארקט ווערען. די פאר־אורטיילונג איז א צייטליכע אנזאגונג צו יעדען איינעם, וואס האט א געלט־זאק.

„וואס וועט מר. ניובערי טאן, בנוגע זיין פלאץ אין סענאט, ביז דער צייט, ווען זיין אפיעל וועט אויפגענומען ווער־רען? אויב ער וועט אננעהמען א ריכ־טיגע עצה, דאן וועט ער נאכפאלגען דעם ביישפיעל פון געוועזענעם סענאטאר בויר־טאן פון קענזעס, וועלכער איז געווען אב־געזונדערט פון סענאט די גאנצע צייט, ווען ס'האט געדארפט באשטימט ווערען זיין „שולד אדער אומשולד."

די ניו יארקער „איווינינג גלאוב" זאגט אין איהר עדיטאריעל „ניובערי און דאס געזעץ" פאלגענדעס:

„טרומען ה. ניובערי, דער „פאטריא־טישער קאנדידאט" האט געוואונען די סענאטארישע וואהלען אין יאהר 1918 דורך 220.054 שטימען און הענרי פארד האט זיי פא־לא־ען דורך 212.487 שטי־מען. וויסענדיג, דאס דער „פעדעראל קאר־ראפט פרעקטיסיז עקט" פארבאט זייגע וואהל־אויסגאבען אויף מעהר פון $3.750 האט ער (ניובערי) סאנקציאנירט, פאר־אויס, די סומע פון $50.000 און דער־סך הכל פון די הוצאות בין זיינע וואה־לען זענען, וואס־שיינליך, איינינע מאהל מעהר פון דיזער סומע. אויפ'ן משפט איז ניט באוויזען געווארען, דאס ניובערי אדער ווער ניט איז פון זיינע חברים, האט אונטערגעקויפט, אדער באגאנגען אירגענד וועלכען אנדער פאר־ברעכע, וועלכער איז באטראכט געווארען, אי־ דער מישיגאן שטאט האט נאך דורכגע־פיהרט דעם אויבענדערמאנטען „עקט", אלס מאראלישע פארדא־בענהייט. דער פעדעראלער ריכטער, וועלכער האט באקר־מען אין פארלויף פונ'ם משפט גענו־לענדע באווייזע, האט אבער פארור־טיילט איהם און זיין קאמפיין־פאר־וואל־טער צו ליידען די גרעסטע שטראף, וואס דאס געזעץ שרייבט פאר.

„אויב די באריכטען זענען ריכטיג, ווע־לען מר. ניובערי און זיינע מיטשולדיגע מאכען א פארזוך צו רעכטפערטיגען זייער פארברעכען געגען געזעץ דורך דעם, וואס זיי וועלען באווייזען, אז דאס ראזי־נעס געזעץ איז א שעדליכעס געזעץ. לויט זיין אייגענער באהויפטונג, באטראכט זיך מר. ניובערי באוואוסטזיניג אזוי אומ־שולדיג, דאס ער דענקט אפילו אפצור־פאה־ען קיין וואשינגטאן און צו פאר־נעהמען דארט אין סענאט זיין פלאץ, אויב זיינע קאלעגען וועלען צו דעם צו־שטימען.

„ריזע שטעלונג באווייזט, אלענפאלס מאראלישע בלינדקייט. דער „פעדעראל קאררופט פרעקטיסיז עקט" איז דורכגע־פיהרט געווארען מיט'ן ציעל צו שטערען רייכע פער־זאנען, אדער מענשען מיט רייכע אונטערשטיצער, פונ'ם באנוצען זיך מיט'ן געלט, כדי צו ערווערבען אן אונארענטליכען פארצוג אין וואהלען. דער ציעל פונ'ם „עקט" איז קלאהר און די פאט־יאטישע פליכט פון יעדען קאנדי־דאט, בנוגע דעם דאזיגען געזעץ, איז גע־ווען א קלאהרע. מר. ניובערי האט ניט געהאט מעהר רעכט איבער־צוטרעטען די זען געזעץ, ווי אירגענד אנדערן געזעץ. אויב מר. פארד וואלט געוואונען די וואהלען, וואלט דער רעזולטאט געמייגט דאס די דעמאקראטען, איינגערעכענדיג דעם ווייס־פרעזידענט, וואלטען געהאט אין סענאט א מעהרהייט און יעדען פארטיי־שטימען, און די פאליטישע גע־שיכטע פונ'ם לעצטען יאהר וואלט גע־קענט זיין אן אנדע־ע. ס'איז אבער ניט נויטיג צופיעל אונטערצושטרייכען דיע־זען פונקט, ווי דאס האט געטאן די „ניו יארק וואי־לד". דער וויכטיגער פאקט איז, אז דאס געזעץ איז פארלעצט געווארען און ס'איז דרינגענד, אז דאס געזעץ, ניט קוקענדיג אויף די פאליטישע רעזולטאטען, זאל אויסגעפיה־ט ווערען"

אונטער'ן קעפעל „סענאטאר ניובערי'ס פא־ברעכען" דרוקט די „ספרינגפיעלד רעפובליקען" פאלגענדען עדיטאריעל:

„סענאטא־ טרומען ה. ניובערי פון מישיגען האט פיגורירט, אלס דער פארד־קעמפער פון 100 פ־אצענט אמעריקא־ניזם אין זיין קאמפיין פון יאהר 1918, נאט, באשיין אמעריקא און אמעריקא־ניזם! דע־ סענאטאר איז דאך נעפונען געווארען שולדיג אין באגעהן א גרויסען פארברעכען געגען דע־ רעפובליק. ער האט באוואוסטזיניג געקויפט זיין פלאץ אין סענאט דורך פארשווענדען הונדער־טע טויזענטע־ דאלאר און אין א געלט־זיכטיגער שארלאטאנעריי האט ע־ קארור־פירט א שטאט אינ'ם נאמען פון פאט־ריאטיזם.

„קיינמאל אין דער אמעריקאנער גע־שיכטע האט פאסי־ט א מעהר סקאנדא־לעזער פאל פון ציניזם און חוצפה" רינגען אונטערקויפען א שטאט דורך זיי־כע פערזאנען אין אזא באוואוסטזיניגען און זארגלאזען ווידערשטאנד צום געזעץ.

מר. פארד, וועלכער איז געווען בכח צו פארשווענדען 10 דאלאר געגען יעדען ניקעל, וואס זיינע געגנער האבען אויס־געגעבען, און האט דאך כמעט נאר ניט אויסגעגעבען, איז דורכגעפאלען, און יע־דער 100־פראצענטיגער אמעריקאנער אין דעם לאנד איז געווען מלא ושמחה. דאך, ווער פון די צוויי מענשען איז היינט צו טאג דער בעסערער אמעריקאנער — פארד אדער ניובערי? פון איין זייט, דער פאציפיסט, וועלכער איז פארהאסט און פארפאלגט דורך אונזערע אלע נאציא־נאל־פאר־טיידיגונגס געזעלשאפטען און זיכער־ונגס־ליגען און וועמען א גרויסע צייטונג אין דער מיטעל־וועסט האט אנ־גערופען אנארכיסט, פון דער צווייטער זייט, דער געוועזענער פלאטען־סעקרע־טאר אין רוזוועלט'ס קאבינעט, וועלכער איז סאנקציאנירט געווארען, אלס דער ביישפיעל פון די אלע מעלות, וואס זע־נען פארקערפערט אין א לאיאלען בירגער; וועמענס ע־וועהלונג איז אויפגע־פאדערט געווארען, כדי די רעזולטאטען פון דער מלחמה זאלען ניט ווערען גע־שטעלט אין א סכנה דורך „מילדקייט צום שונא, אדער זיי זאלען ניט פאר־שוואונדען ווערען אין אזעלכע חלומות, ווי א פעלקער־בונד צו פאר־מיידען קינפטיגע מלחמות. אזוינס איז דאך געווען דאס בילד, וואס די העכסטע באריהמטע ניו־בערי־אונטערשטיצער האבען פארגעש־טעלט מיט א יאהר און א האלב צוריק, ס'איז ווירקליך א רחמנות, וואס ניט אלע פון זיי האבען דערלעבט צו לייענען דעם קרימינעלען ווערדיקט, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין מישיגען גע־ריכט.

„אמעריקא איז דיסקרעדיטירט געווא־רען, זאגען פיעלע, דורך דעם לאנגען סכסוך איבער דעם שלום־אפמאך און זיין דורכפאל אין סענאט, א דורכפאל, צו וועלכען מר. ניובערי האט פיעל ביי־געטראגען. אמעריקא אבער איז פיעל מעהר דיסקרעדיטירט געווארען דורך דעם סענאטאר'ס פארברעכען. אויב אפקויפען א שטאט פאר א פלאץ אינ'ם סענאט פון די פאראייניגטע שטאטען איז א שעהנער ביישפיעל פון דעמאקראטיע, דאן גוי־טיגט זיך דעמאקראטיע, דאס זי זאל ווע־רען זיכער פאר דער וועלט, איידער מיר וועלען א צווייטען מאל מאכען א פאר־זוך צו מאכען די וועלט זיכער פאר דער־מאקראטיע. אויף וועלכען באדען, קען איינער פרעגען, וועלען די פרעזידענט־וואהלען ווערען אויסגעקעמפט? מיר ווע־לען הערען פיעל וועגען „אמעריקאניזם", אבער וועט עס זיין דער „הונדערט־פ־א־צענט (אויפ'ן דאלאר) אמעריקאניזם", וואס האט ערוועהלט ניובערי'ן צום סע־נאט?"

די צייטונג וויזט ווייטער דאן אן, דאס ניו־בערי האט געהאלפען דער רעפובליקאנער פארטיי צו ווערען די דאמינירענדע פאר־טיי אין סענאט, און זי זאגט ווייטער:

„אבער ס'וועלען זיין נאך אנדערע רע־זולטאטען. אונזער פארטיזאנישע פאלי־טיק וועט פיהלען די שאנדע פאר מאנא־טען, אויב ניט פאר יאהרען; דאס (ניו־בערי'ס פארזו־טיילונג) וועט געבען א געפעהרליכע קאמפיין־וואפע צו די גע־נער פון דער רעפובליקאנער פארטיי; דאס וועט נאך מעהר סטימולירען דעם סאציאלען אונרוה און דיענען אלס הייך־שטאפ פא־ יעדען רעוואלוציאנערען פיי־ער, וואס ברענט היים אין אמעריקא. מען וועט אפילו פון אונז חוזק מאכען, צו־ליעב דעם ניובערי־משפט, אויף די גאר־סען פון מאסקווא און פעטרא־גראד.

„דאך פאר איין זאך מעגען מיר זיין דאנקבאר; מיר מעגען אפילו צוליעב דעם געהען מיט אויפגעהויבענע קעפ און זיין שטאלץ. דא, אין אמעריקא פאראורטיי־לען מיר א מיליאנער, וועלכער קויפט אפ א שטאט און קויפט זיך איין א פלאץ אינ'ם סענאט. גראטולאציע צו דער דזשו־רי פון גרענד רעפידס און צום אמערי־קאנעם אונגע־שראקענעם ריכטער, וועל־כער האט ארויפגעלעגט די גרעסטע שטראף, עטהאלטענדיג צוויי יאהר אין געפענגעניש."

צוליעב פאדערעווסקים פיאנא

(פעליטאן) פון א. אלמי (עליאש)

...און אז פאדערעווסקי, דער פוילישער פיאנא שפיעלער און עקס־פרעמיער, האט זיך דערוואוסט, אז ענגלאנד האט צוריק־געוויזען ווילען'ס פארלאנג פאר א הלואה, האט ער געכאפט א האק און צעבראכען זיין פיאנא אויף שטיקלאך, אלס פראטעסט קעגען דער ענגלישער רעגירונג.

אזוי דערצעהלט א טעלעגראמע פון וואַרשע און איך גלויב אין יעדען ווארט; א מענש, וואס האט זיין האק פארפלעקט מיט אידיש בלוט, קען מיט דערזעלבער האק אייך צעהאקען א פיאנא, זיין אייגענע, נישט־אידישע פיאנא, וואס האט דעם אידישען פאלק געשפיעלט אזעלכע טרויעריגע מעלאדיעס.

איך שטעל זיך פאר ווי אומגליקליך ענגלאנד פיהלט זיך איצט — אט האט איהר פאדערעווסקי אפגעטאן — צע־בראכען זיין פארטעפיאן! וואס פאר א פארגלייך זענען די אומרוהען אין עגיפ־טען, די אויסברוכען אין אינדיען, די צרות אין אירלאנד אנטקעגען פאדערעווס־קי'ס צעבראכענער פיאנא? וואלט ענג־לאנד פריהער פארטראכט, אז פאדער־עווסקי קען איהר אפטאן אזא שפיצעל, וואלט זי קיין מינוט נישט געקלערט און פוילען אפגעשיקט עטליכע צעהנדליג בי־ליאנדלעך, אבי דער עקס־פרעמיער זאל ניט צעשמעטערען מיט א האק זיין פיא־נא.

איצט וועט שוין ענגלאנד וויסען, אז מ'טאר זיך מיט פוילען נישט אנהייבען. זאל פאדערעווסקי זיך איצט קויפען א נייע פיאנא, וועט ער מיט איהר קענען איינגעהמען די גאנצע וועלט. ער וועט א כאפ טאן דאס פיאנאלע און א גע־שריי טאן צו ענגלאנד: „העלפסטו מיר פארכאפען בערדיטשעוו, מאסקווע, פעט־ראגראד און פינטשעוו איז גוט; אויב נישט, צעהאק איך די פיאנא אויף שטיק שטיקלעך!" און ענגלאנד וועט זיך נא־טירליך דערשרעקען און פאר איהם טאן וואס נאר ער וועט וועלען.

דאן וועט זיך פאדערעווסקי נעהמען צו פראנקרייך, צו איטאליען, צו אמערי־קא און פון יעדע פאדערען אלע אום־מעגליכקייטען: פראנקרייך זאל איהם אפ־שטעקען פאריז, איטאליען — רוים מיט גוענעדיג און נאך עטליכע שטעדט; אמע־ריקא — ניו יארק, בראנזוויל, באסטאן, סאן־פראנציסקא און דאס בית מדרש הגדול — אויב נישט, ווייסט איהר דאך שוין וואס ער טוט: ער צעברעכט זיין פיאנא און מאכט אייך אומגליקליך אויפן גאנצע לעבען....

אט אזוי וועט פאדערעווסקי באזיע־גען אלע פעלקער און פוילען וועט הער־שען איבער דער גאנצער וועלט פון הודו ביז כוש, און אלע מדינות וועלען אונ־טערטעניג דיענען דעם „פאן" אבי פא־דערעווסקי זאל, חלילה נישט צעשמע־טערען זיין פיאנא.

מיינער א שכן א פידלער, וואס פי־דעלט אויף חתונות, האט זיך באצייטענס אראפגענומען א ביישפיעל פון פאדע־רעווסקין און ער איז צו מיר אריינגעפא־לען מיט דער פאדערונג, אז איך זאל איהם שנעל, ווי מעגליך, אוועקגעבען מיין נייעם, שבת'דיגען אנצוג און דאס טוליפל און די געלע שיך און דעם זיידענעם קראוואט — אויב נישט צעברעכט ער זיין פידעל און הערט אויף צו פידלען. פארשטעהט זיך, אז איך האב איהם אלצ־דינג נאכגעגעבען, אבי ער זאל נישט צע־מזיק'ן זיין פידעל.

צומארגענס איז דערזעלבער פידלער צו מיר אריינגעפאלען מיט א נייער פא־דערונג, אז איך זאל איהם אפטרעטען מיין בעט און מיין שאפע און איך זאל איהם גלאט געבען עטליכע דאלאר אין קעשענע אריין, אויב נישט נעהמט ער די נאטען — וועלכע ער קען סיי ווי נישט לעזען — און צורייסט זיי אויף פיצ־פיצלעך. און ווידער האב איך זיך איבער־געשראקען אויף טויט און באפרידיגט זיין פאדערונג.

איצט זיץ איך אין איין ציטערניש: אנטקעגען מיין פענסטער געפינט זיך א צווייפעלהאפטע בתולה מיט רויטע האר, וואס באמבאהדירט טאג און נאכט אויף א פיאנא; וואס טו איך, אז זי פאלט ארויין צו מיר און שטעלט מיר אוועק א פאדערונג: אדער כ'זאל מיט איהר חתונה האבען, אדער זי נעהמט א העקעל און צעברעכט איהר פיאנא? כ'וועל דאך נישט לאזען נעהמען א פיאנא און צע־ברעכען!

און וואס עפעס דוקא זי? האט איהר שוין היינטיגע צייטונג געזעהן — א הויז אהן א פיאנא? און יעדע פיאנא האט א תליון איבער זיך. וואס קוילעט זי אויף נאטען; שטעלט זיך נאר פאר, וואס די אלע פיאנא־קלאפער, מיידען און יונגען, מאמעס, טאטעס און קינדער קע־נען ביי מיר אלין ארויספאדערען, ווען זיי אלע זאלען זיך וועלען באנוצען מיט פאדערעווסקי'ס מיטעל!

און דער ארטיסט־מאהלער, וואס וואוינט אין דער צווייטער טיר האט זיך שוין אויך אפגעלערנט פון פאדערעוו־סקי'ן און ער איז צו מיר אריינגעפאלען מיט זיין מאלעניש: א בילד פון א גע־בראטענעם הערינג, אין נאטירליכע פאר־בען — און מיך געמאנט סטראשען, אז אויב איך וועל באלד נישט אנשריי־בען וועגען איהם אן ארטיקעל, אז ער איז דער גרעסטער פארבענקינסטלער פון אלע צייטען און דורות און אז לעאנארד דע־וינטשי, רעמבראנדט, ראפאעל און די אנדערע מאהלערלעך דארפען איהם די שטיוועל פוצען, נעהמט ער און צערייסט זיין קונסט־בילד אויף ברעק־ברעקלעך — אויס קונסט!

צום סוף האב איך זיך אליין מיישב געווען, אז איך קען זיין ערפאלגרייך, ווען איך זאל אויך אנווענדען פאדערעווסקים מיטעל; האב איך א כאפ געטאן מיין שרייב־מאשין, וועלכע איז ביי מיר פונקט אזוי ווי ביי פאדערעווסקי'ן די פיאנא און אויף וועלכע איך קלאפ די פינגער ווי פאדערעווסקי אויף די קלאווישען — און בין אוועקגעלאפען צום רעדאקטאר מיט א סטראשונאק, אז אויב ער טרעט מיר נישט אפ זיין פלאץ, מיט זיין גע־האלט, מיט זיין אלצדינג — גיעב איך די שרייב־מאשין א טערעבעניץ אין דער־ערד, אז זי וועט צעזעצט ווערען אויף טויזענט אטאמען.. דעריבער, אויב ער וויל פארמיידען אזא אומגליק, זאל ער אויגענבליקליך נאכגעבען מיינע פאדע־רונגען.

דא איז גראד אנגעקומען דער ארויס־געבער פון דער צייטונג או זאיך האב איהם אויך געפאקט אין א דונער געטאן: אדער גיט מיר באלד אוועק אייער אוי־טאמאביל מיט אייער דיענסט, מיט אלע אקציעס פון דער צייטונג, אדער איך צע־שמעטער מיין שרייב־מאשין פאר אייערע אויגען.

דער רעדאקטאר איז געזעסען בלייך און דער ארויסגעבער האט געציטערט ווי א בלאט, נישט אראפנעהמענדיג קיין אויג פון דער שרייב־מאשין, וועלכע איז אפהענגיג געווען פון מיין גנאר און פון זייער ווארט.

שלוס אויף זייט 3

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

פרייטאג, 26טען מארטש 1920

צווישען זיך גערעדט

פטור בלא כלום אי אפשר. האבען מיר דאך מן הסתם פארשטעקער צווישען אונזערע לעזער און צו דיזע קוראים נכבדים ווילען מיר פארבאַ־פען באלד ביי די ערשטע שורות און זיי זאגען: לייענט היינט נישט דעם עדיטאריעל, ווייל ער איז מעהר און אנגעסט, מעהר פאר די נוצען פון דער צייטונג גופא.

יא מיר האבען בדעה אויסצונוצען דאס פלאץ פונם לייטארטיקעל אין היינטיגען נומער „וועג“ פאר אונזערע אייגענע ציעלען, וועלכע זיינען, אדער דארפען אינגענצליך זיין אינטערעסאנט דעם לעזער.

ווען אפילו א צייטונג ווערט פארוואלטעט פון א פריוואטען אונטער־נעהמער, ווען אפילו דער בעל הבית, אדער בעלי בתים פון דער צייטונג האבען אינטערעסען דורך דער צייטונג צו פארגרעסערן זייער קאפיטאל, אויך דעמאלט קען א צייטונג נישט זיין גאנץ אפגעזונדערט און נישט קאנטראלירט פון דעם לעזער.

א צייטונג איז נישט קיין קראם.

אויף דער צייטונג ווירקט נישט נאר דער אינטעליגענטער, נאר אפילו נאר דער הויבשניטליכער לעזער. דיזע צוויי כחות וואס איבען אויס זייער איינפלוס אויף דער צייטונג פיהרען תמיד אן אומזעהבארען קאמף צווישען זיך און וועלכע עס איז שטארקער, די האט די צייטונג אויף איהר זייט.

מיינט עס, בכן, אז עס דארף יא פאראינטערעסירען דעם לעזער די מאטעריעלע און מאראלע זייט פון דער צייטונג, אפילו דעמאלט, ווען די צייטונג געהערט צו א פריוואטען אונטערנעהמער.

דער „וועג“ איז אבער נישט קיין אונטערנעהמונג פון א פריוואטען מענשען, אדער שפעקולאנט.

עס איז א קאאפעראטיווע אונטערנעהמונג.

דעם שרייבער פון דיזען ארטיקעל זיינען נישט באקאנט גענוי די צאהל פון די וואס זיינען פינאנציעל פאראינטערעסירט אין דעם „וועג“. זיכער אבער איז עס, אז זייער צאהל איז א באדייטענדע.

און ווידער איז עס זיכער, אז קיין איינער פון די אלע „שערהאלדערס“ האט נישט אינזינען צו ווערען אן עושר פון זיין „אינוועסטמענט“; קיין איינער האט נישט געקויפט קיין שערס מיט דעם באוואוסטזיין אדער גלויבען, אז ער וועט ווען ס'נים איז „מאכען א לעבען“ פון די שערס.

די איינציגע „שערהאלדערס“ וואס זיינען געווען אזוי פריינדליך און זיך באקענט מיט דעם שרייבער פון דיזע ציילען, האבען אלע אונז פאר־זיכערט אז זייער איינציגער צוועק איז געווען צו זעהן דא אין שטאדט א ריינע, א זויבערע לאקאלע צייטונג, וואס זאל העלפען יעדער ווינשענס־ווערטער אינסטיטוציע אין איהר עקזיסטענץ; ביזען יענע אינסטיטוציעס, וועלכע פעהלען דא און פארלייכטערען די ארבייט פון די מתעסקים פון די שוין עקזיסטירענדע; באלייכטען די טאגעס פראגען פון אן אומפארטייאישען עהרליכען שטאנדפונקט און רעאגירען אויף די שטאדטישע פאסירונגען פון דעמזעלבען ריינעם אומפארטייאישען שטאנדפונקט.

פאר דער צייט וואס די רעדאקציע און די פאראנטווארטליכע פיהרונג פון דיזער צייטונג איז איבערגעגעבען געווארען דעם שרייבער פון דיזע ציילען, האט ער זיך באמיהט נאכצוקומען אט דיזען ווילען פון די פאר־אינטערעסירטע אין דער צייטונג.

אז אונזער באמיהונג איז נישט אינגאנצען אומזיסט געווען, דיענען אונז פאר א פאקט די פיעלע קאמפלימענטען פון פיעלע פון די דערמאהנטע הערן און פון פיעלע פון אונזערע לעזער; פאר א פאקט קען מען אויך אננעהמען דאס, וואס די צאהל פון אונזערע לעזער ווערט גרעסער פון טאג צו טאג, מעהר נאך — די אכטונג פון די לעזער.

מיר ווילען זיך אבער נישט איינריידען אפילו קיין איין מינוט, אז אט האלטען מיר שוין ביי פאלקאמענהייט. ווען אפילו די צייטונג וואלט אין דעם משך פון איהר קורצען עקזיסטענץ נישט געווען באגאנגען אזעלכע טעותים, ווי זי איז באגאנגען; אפילו ווען איהר מאראלע זייט און איהר נא־מען וואלט קיינמאל נישט געווען געליטען איבער פארשיעדענע פארצייליכע און נישט פארצייליכע טעותים, איז עס אייך שווער אין א יאהר, אדער אפילו אין א פאר יאהר צו ברענגען א צייטונג צו פאלקאמענהייט.

בפרט ווען די צייטונג איז אינגאנצען אלט עטוואס מעהר פון א יאהר, און בפרט ווען אין דיזען יאהר האט מען צייט געהאט צו מאכען כל ערליי טעותים גרויסע און נאך גרעסערע.

פונדעסטוועגען זאל דאס אונז נישט אפהאלטען צו זאגען, אז ביי היינטיגען טאג געהט דער „וועג“ זעהר פארזיכטיג אויף זיין וועג. היט זיך פאר נייע טעותים, מאכט יעדען שריט איבערגערעכנט און באגנוגענדיג זיך דערווייל מיט דעם ביסעלע און פיעל אפגעשעצטען צוטרוי, וואס די לעזער האבען צו אונז, מארשירען מיר אלין פאראויס צו די ציעלען און צוועקען, וואס מיר האבען זיך געשטעלט ביים איבערנעהמען די פאראנטווארטליכ־קייט פון דיזער צייטונג און וועלכע עס האבען געהאט די פאראינטערע־סירטע אין דער צייטונג, ווען זיי האבען זיך אנגעשלאסען אלס שערהאלדערס.

מיר מיינען אבער אז זעהר וועניג כלל טוער זיינען פאראינטערעסירט אין דער „וועג פאבלישינג קאמפאניע“. לויט אונזער מיינונג איז עס מעהר אין די אינטערעסען פון די פארשיעדענע'ערליי מתעסקים פון די פארשיע־דענערליי אנשטאלטען, אז דא זאל עקזיסטירען א אידישע צייטונג. וואס זאל זיי העלפען אין זייערע ארבייטען.

אמת מאקע אז עס וועט אונז נישט אפהאלטען צו העלפען זיי אפילו ווען זיי זאלען ווי ווייט שטעהן פון די מאטעריעלע קוועלען פון דער צייטונג. אבער זיי אליין וואלט א סך באקוועמער געווען, ווען זיי זאלען — וועניג, די סומע ווי קליין זיין — פאראינטערעסירט זיין מאטעריאל אין דער צייטונג.

וועגען די נוצען וואס די מתעסקים וואלטען דערפון געהאט און מיט וויפיעל זיי וואלטען דער רעדאקציע (די שרייבער) פארלייכטערט אין זייער ארבייט אויף אויסצושעהנערען די צייטונג, איז האבט זיך איבעריג א ווארט צו פארליערען. דאס קען יעדער לעזער פארשטעהן.

שפריצען

לאנגזאם אבער גוט.

העדט וואס אין ניו יארק האט פאר־סירט: דעטעקטיווס האבען ענטדעקט אין א פאון־שאפ א ווינטער מאנטעל, וואס מ'האט געהאט צוגע'גנב'עט מיט צעהן יאהר צוריק, און דער מאנטעל איז נאך געווען שפאגעל־נייע.

ס'בין שוין מוחל די דעטעקטיווס זייער לאנגזאמקייט, ווען זיי קענען נאר ענטדעקען א טשיקען, וואס מ'האט ביי מיר אוועקגע'גנב'עט מיט פופצעהן יאהר צוריק, און זי זאל נאך זיין פריש.

* * *

ער לויפט פון פריזאן

דעבס האט זיך אונטערגעשריעבען צו לויפען פאר פרעזידענט אלס קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

דעבס איז דער איינציגער פריזאנער, וואס מעג לויפען פון פריזאן און מען קען איהם אפילו נים נאכשיסען...

* * *

א וואוילער „פעטענט“

הורא! די קאנטר רעוואלוציאנער, וואס האבען גענומען פאר־כאפט די רעגירונג פון דייטשלאנד, האבען באלד גע־מוזט אויפגעבען זייער ממשלה.

ווי אזוי? פשוט: ביי דער פריהער־די־גער דייטשער רעגירונג האט זיך געפונען א צעטעל פון קרוב פופציג מלחמה־שול־דיגע, וועלכע די עלייעס פאדערען ארויס צום משפט. צווישען זיי זענען די מעה־ס־טע געווען פון די נייע רעגירער.

ס'?! נו, האט עבערט צוגעשיקט די ליסטע אז זיי מוזען זיך גלייך איבערגע־בען צו די עלייעס און — אוים קאנטר־רעוואלוציע....

* * *

אוי, די אונטערזוכונג

דער איטאליענישער האנדעלס און אר־בייטס־מיניסטער האט ערקלערט, אז מען זאל אונטערזוכען דאס באלשעוויזם און אויב זייער רעגירונגס־פארם איז די בעס־טע, זאלען זי אלע לענדער אננעהמען.

ס'וועט זיין כסתמא דאסזעלבע וואס מ'טוט מיט יקרות. מ'האט אזוי לאנג אונטער־זוכט דעם יקרות, ביז אלע לענדער האבען איהם אנגענומען...

* * *

זי וועט איהם צונויף קומען

אין ענגלאנד גרינדעט זיך א נייע פא־ליטישע פארטיי, פון וועלכע לאיד דזשארדזש וועט זיין דער פיהרער.

לאיד דזשארדזש האט זיך ביז איצט געוואקעלט צווישען די צוויי פארטייען: קאנסערוואטיווען און ליבעראלען. איצט ביז ער האבען א דריטע פארטיי אויף וועלכע זיך אנצושפארען, איידער די ליי־באר־פארטיי ווארפט איהם אינגאנצען אום...

* * *

וואויל איז זיי!

אין פראנקרייך האט מען ארויסגע־לעגט א צעהן פראצענט טאקסע אויף בחורים.

גליקליכע בחורים! פארהייראטע מענער מוזען צאהלען (צו זייער ווייבער) א הונדערט פראצענט טאקסע!...

* * *

גענעראלען

א גענעראל סטרייק אין פראנקריך, א גענעראל סטרייק אין דייטשלאנד.

דאס קען אמאל צווינגען די גענערא־לען פאש און הינדענבורג זיך צו פאר־איינינגען געגען דעם אינטערנאציאנאלען „גענעראל“ סטרייק.

* * *

זיצען און לויפען

יודזשין וו. דעבס, וועלכער זיצט אין פריזאן, האט באשלאסען צו לויפען אלס פרעזידענטס קאנדידאט פון דער סאציא־ליסטישער פארטיי.

עס איז זיכער אז ער וועט מיט זיין „זיצען“ ציהען מעהר שטימען ווי מיט זיין „לויפען“.

* * *

א גוטע פשרה

אמעריקא וואלט זיך זעהר גרינג גע־קענט איינינען מיט די עלייעס וועגען דער טערקישער פראגע אויף דעם פאלגענ־דען קאמפראמיס:

דער טערק זאל בלייבען אין קאנסטאנ־טינאפאל, ווי די עלייעס ווילען דאס, און קאנסטאנטינאפאל זאל נים בלייבען ביי דעם טערק ווי אמעריקא וויל דאס.

* * *

רויט און געל

יאפאנעזישע סאלדאטען אין סיביר האבען רעוואלטירט און געווארען באל־שעוויקעס.

אז „רויטע“ קאנען ווערען „געל“ פאר וואס זאלען די „געלע“ נים קאנען ווע־רען „רויט“?

* * *

דער רבי לערנט

[illegible]

ענגלישע צייטונגען וועגען ניובערי משפט

איבערזעצט פאר'ן „וועג“
פון ז. ר.

ניובערי'ס משפט איז פון אנפאנג אן געווארען א נאציאנאלע פראגע. דאריבער איז ניט קיין וואונדער, וואס כמעט אלע צייטונגען איבער'ן לאנד האבען זיך עדי־טאריעל אפגערופען, ווען דער פסק איז באוואוסט געווארען. מיר גיבען דא אי־בער איינינע עדיטאריעלס.

די ניו יארקער „איווינינג פאסט“ דריקט אויס עדיטאריעל צופרידענהייט מיט דעם אויסגאנג פון סענאטאר ניו־בערי'ס משפט. דער רעזולטאט איז, לויט דער „פאסט“ מיינונג, „א היילזאמע פארטיילונג“ אין די צייטונג ראט ניו־בערי'ן, דאס ער זאל ניט זיין אנוועזענד אין סענאט, ביז די אויספארשונג, וואס ווערט פון'ם סענאט אנגעפיהרט, וועט פארענדיגט ווערען. דער עדיטאריעל לעזט זיך ווייטער:

„אי דער אנגאנג אי דער אויסגאנג פון ניובערי'ס משפט זענען צופרידענשטעלענדע. ריכטער סעשאנס האט שטרענג גע־האלטען ביידען, אי דעם אנקלאגער אי דעם פארטיידיגער, צום פונקט, צו די אנגעקלאגטע האבען יע אדער ניט איבער־געטראטען דעם געזעץ, וועלכער באגרע־נעצט די סומע פון וואהל־הוצאות, און צו אין דעם, וואס די באשולדיגטע הא־בען אליין צוגעגעבען. דאס זיי האבען פארשווענדעט אין'ם קאמפיין גרויסע סו־מען געלט, איז יע אדער ניט געווען א קאנספיראציע איבערצוטרעטען דאס גע־זעץ. אט דאס האט אויסגעשלאסען די פ־אגע וועגען הענרי פארדס פאסיגקייט צו פארטרעטען מישיגען אין סענאט און אויך דעם שלום, אז אלע מיטלען זענען געווען באַרעכטיגט, כדי איהם דורכצוא־ווארפען.

„דער נאקעטער פאקט איז, אז דאס פאלק פון מישיגען, שטאט האט דורכגע־פיהרט זיין שטימונגען געזעץ צו באגרענ־צען די אויסגאבען פון א קאמפיין, שוין צוליעב בלויז אט דעם ציעל, וואס אין א פאליטישען קאמף קען די ליידענשאפט פארפיהרען די אנטייל־נעהמער צו געלט־פארשווענדעניש. דער ניובערי־משפט איז געווען מעהר ווי א משפט פון די באַ־שולדיגטע, ער איז געווען אן אויספרובי־רונג פונ'ם געזעץ. אויב דאס געזעץ וואלט ניט געקענט באשטראפען די פער־זאנען, וועלכע האבען פארפלייצט דעם שטאט מיט געלט, ווי דאס האט פאסירט דורך דער ניובערי־ארגאניזאציע אין יאהר 1918, דאן איז גאנץ קלאהר, אז דאס גע־זעץ דארף פארשטארקט ווערען. די פאר־אורטיילונג איז א צייטליכע אנזאגונג צו יעדען איינעם, וואס האט א געלט־זאק.

„וואס וועט מר. ניובערי טאן, בנוגע זיין פלאץ אין סענאט, ביז דער צייט, ווען זיין אפיעל וועט אויפגענומען ווער־רען? אויב ער וועט אננעהמען א ריכ־טיגע עצה, קאן וועט ער נאכפאלגען דעם ביישפיל פון געוועזענעם סענאטאר בויר־טאן פון קענזעס, וועלכער איז געווען אב־וועזענד פון סענאט די גאנצע צייט, ווען ס'האט געדארפט באשטימט ווערען זיין שולד אדער אונשולד.“

די ניו יארקער „איווינינג גלאוב“ זאגט אין איהר עדיטאריעל „ניובערי און דאס געזעץ“ פאלגענדעס:

„טרומען ה. ניובערי, דער „פאטריא־טישער קאנדידאט“ האט געוואונען די סענאטארישע וואהלען אין יאהר 1918 דורך 220,054 שטימען און הענרי פארד האט זיי פארלארען דורך 212,487 שטי־מען. ווייזענדיג, דאס דער „פעדעראל קאָ־ראפט פרעקטיסיז עקט“ פארבאט זיינע וואהל־אויסגאבען אויף מעהר פון $3,750 האט ער (ניובערי) סאנקציאנירט, פאר־אויס, די סומע פון $50,000 און דער־סך הכל פון די הוצאות בון זיינע וואה־לען זענען, וואס־שיינליך, איינינע מאהל מעהר פון דיזער סומע. אויפ'ן משפט איז נים באוויזען געווארען, דאס ניובערי אדער ווער ניט איז פון זיינע חברים, האט אונטערגעקויפט, אדער באגאנגען אירגענד וועלכען אנדער פארברעכען, וועלכער איז באטראכט געווארען, אין דער מישיגאן שטאט האט נאך דורכגע־פיהרט דעם אויבענדערמאנטען „עקט“, אלס מאראלישע פארדארבענהייט. דער פעדעראלער ריכטער, וועלכער האט באקו־מען אין פארלויף פונ'ם משפט גענוג־לענדע באווייזע, האט אבער פאראור־טיילט איהם און זיין קאמפיין־פאר־וואל־טער צו ליידען די גרעסטע שטראף, וואס דאס געזעץ שרייבט פאר.

„אויב די באריכטען זענען ריכטיג, ווע־לען מר. ניובערי און זיינע מיטשולדיגע מאכען א פארזוך צו רעכטפערטיגען זייער פארברעכען געגען געזעץ דורך דעם, וואס זיי וועלען באווייזען, אז דאס דאזי־גע געזעץ איז א שעדליכעס געזעץ. לויט זיין איינענער באהויפטונג, באטראכט זיך מר. ניובערי באוואוסטזיניג אזוי אומ־שולדיג, דאס ער רעכנט אפילו אפצו־פאהרען קיין וואשינגטאן און צו פאר־נעהמען דארט אין סענאט זיין פלאץ, אויב זיינע קאלעגען וועלען צו דעם צו־שטימען.

„ריעזע שטעלונג באוויזט, אלענפאלס מאראלישע בלינדקייט. דער „פעדעראל קאראפט פרעקטיסיז עקט“ איז דורכגע־פיהרט געווארען מיט'ן ציעל צו שטערען רייכע פערזאנען, אדער מענשען מיט רייכע אונטערשטיצער, פונ'ם באנוצען זיך מיט'ן געלט, כדי צו ערווערבען אן אונארענטליכען פארצוג אין וואהלען. דער ציעל פונ'ם „עקט“ איז קלאהר און די פאליטישע פליכט פון יעדען קאנדי־דאט, בנוגע דעם דאזיגען געזעץ, איז גע־ווען א קלאהרע. מר. ניובערי האט נים געהאט מעהר רעכט איבערצוטרעטען דיע־זען געזעץ, ווי אירגענד אנדערען געזעץ. אויב מר. פארד וואלט געוואונען די וואהלען, וואלט דער רעזולטאט געמיינט דאס די דעמאקראטען, אריינרעכענדיג דעם ווייס פרעזידענט, וואלטען געהאט אין סענאט א מעהרהייט אין יעדען פארטייאישטימען, און די פאליטישע גע־שיכטע פונ'ם לעצטען יאהר וואלט גע־קענט זיין אן אנדערע. ס'איז אבער ניט גוטיג צופיעל אונטערצושטרייכען דיע־זען פונקט, ווי דאס האט געטאן די „ניו יארק וואירלד“. דער וויכטיגער פאקט איז, אז דאס געזעץ איז פארלעצט געווארען און ס'איז דרינגענד, אז דאס געזעץ, ניט קוקענדיג אויף די פאליטישע רעזולטאטען, זאל אויסגעפיהרט ווערען“

אונטער'ן קעפעל „סענאטאר ניובערי'ס פארברעכען“ דרוקט די „ספרינגפיעלד רעפובליקאן“ פאלגענדען עדיטאריעל:

„סענאטאר טרומען ה. ניובערי פון מישיגען האט פיגורירט, אלס דער פאר־קעמפער פון 100 פראצענט אמעריקא־ניזם אין זיין קאמפיין פון יאהר 1918. נאַט, באשיין אמעריקא און אמעריקא־ניזם! דער סענאטאר איז דאך געפונען געווארען שולדיג אין באגעהן א גרויסען פארברעכען געגען דער רעפובליק. ער האט באוואוסטזיניג געקויפט זיין פלאץ אין סענאט דורך פארשווענדען הונדערד־טע טויזענטער דאלאר און אין א געלט־זיכטיגער שארלאטאנעריי האט ער קארור־פירט א שטאט אינ'ם נאמען פון פאט־ריאטיזם.

„קיינמאל אין דער אמעריקאנער גע־שיכטע האט פאסירט א מעהר סקאנדא־ליעזער פאל פון ציניזם און חוצפה דינען אונטערקויפען א שטאט דורך ריי־כע פערזאנען און אזא באוואוסטזיניגען און וארגלאזען ווידערשטאנד צום געזעץ. מר. פארד, וועלכער איז געווען בכח צו פארשווענדען 10 דאלאר נעגען יעדען ניקעל, וואס זיינע נעגנער האבען אויס־געגעבען, און האט דאך כמעט גאר ניט אויסגעגעבען, איז דורכגעפאלען, און יע־דער 100־פראצענטיגער אמעריקאנער אין דעם לאנד איז געווען מלא ושמחה. דאך, ווער פון די צוויי מענשען איז היינט־צוטאג דער בעסערער אמעריקאנער — פארד אדער ניובערי? פון איין זייט, דער פאציפיסט, וועלכער איז פארהאסט און פארפאלגט דורך אונזערע אלע נאציא־נאל־פארטיידיגונגס געזעלשאפטען און זיכער־ונגס־ליגען און וועמען א גרויסע צייטונג אין דער מיטעלוועסט האט אנ־גערופען אנארכיסט, פון דער צווייטער זייט, דער געוועזענער פלאטען־סעקרע־טאר אין רוזוועלט'ס קאבינעט, וועלכער איז סאנקציאנירט געווארען, אלס דער ביישפיעל פון די אלע מעלות, וואס זע־נען פארקערפערט אין א לאיאלען ביר־גער; וועמענס ערוועהלונג איז אויפגע־פאדערט געווארען, כדי די רעזולטאטען פון דער מלחמה זאלען ניט ווערען גע־שטעלט אין א סכנה דורך „מילדקייט“ צום שונא, אדער זיי זאלען ניט פאר־שוואונדען ווערען אין אזעלכע חלומות, ווי א פעלקערבונד צו פארמיידען קינפטיגע מלחמות. אזוינס איז דאך געווען דאס בילד, וואס די העכסט באריהמטע ניו־בערי־אונטערשטיצער האבען פארגעש־טעלט מיט א יאהר און א האלב צוריק. ס'איז ווירקליך א רחמנות, וואס ניט אלע פון זיי האבען דערלעבט צו לייענען דעם קרימינעלען ווערדיקט, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין מישיגען גע־ריכט.

„אמעריקא איז דיסקרעדיטירט געווא־רען, זאגען פיעלע, דורך דעם לאנגען סכסוך איבער דעם שלום־אפמאך און זיין דורכפאל אין סענאט, א דורכפאל, צו וועלכען מר. ניובערי האט פיעל ביי־געטראגען. אמעריקא אבער איז פיעל מעהר דיסקרעדיטירט געווארען דורך דעם סענאטאר'ס פארברעכען. אויב אפקויפען א שטאט פאר א פלאץ אינ'ם סענאט פון די פאראייניגטע שטאטען איז א שעהנער ביישפיעל פון דעמאקראטיע, דאן נוי־טיגט זיך דעמאקראטיע, דאס זי זאל ווע־רען זיכער פאר דער וועלט, איידער מיר וועלען א צווייטען מאל מאכען א פאר־זוך צו מאכען די וועלט זיכער פאר דע־מאקראטיע. אויף וועלכען באדען, קען איינער פרעגען, וועלען די פרעזידענט־וואהלען ווערען אויסגעקעמפט? מיר ווע־לען הערען פיעל וועגען „אמעריקאניזם“, אבער וועט עס זיין דער „הונדערט־פראָ־צענט (אוים'ן דאלאר) אמעריקאניזם“, וואס האט ערוועהלט ניובערי'ן צום סע־נאט?“

די צייטונג ווייזט דאן אן, דאס ניו־בערי האט געהאלפען דער רעפובליקאנער פארטיי צו ווערען די דאמינירענדע פאר־טיי אין סענאט, און זי זאגט ווייטער:

„אבער ס'וועלען זיין נאך אנדערע רע־זולטאטען. אונזער פארטייאישע פאלי־טיק וועט פיהלען די שאנדע פאר מאנא־טען, אויב ניט פאר יאהרען; דאס (ניו־בערי'ס פארארטיילונג) וועט געבען א געפעהרליכע קאמפיין־וואפע צו די גע־נער פון דער רעפובליקאנער פארטיי; דאס וועט נאך מעהר סטימולירען דעם סאציאלען אונרוה און דיענען אלס הייד־שטאף פאר יעדען רעוואלוציאנערען פיי־ער, וואס ברענט היים אין אמעריקא. מען וועט אפילו פון אונז חוזק מאכען, צו־ליעב דעם ניובערי־משפט, אויף די גאס־סען פון סאוועט־מאסקווא און פעטרא־גראד.

„דאך פאר איין זאך מעגען מיר זיין דאנקבאר; מיר מעגען אפילו צוליעב דעם געהען מיט אויפגעהויבענע קעפ און זיין שטאלץ. דא, אין אמעריקא פארורטיי־לען מיר א מיליאנער, וועלכער קויפט אפ א שטאט און קויפט זיך איין א פלאץ אינ'ם סענאט. גראטולאציע צו דער דזשו־רי פון גרענד רעפידס און צום אמע־ריקאנעם אונגע־שראקענעם ריכטער, וועל־כער האט ארויפגעלעגט די גרעסטע שטראף, ענטהאלטענדיג צוויי יאהר אין געפענגניש.“

צוליעב פאדערעווסקים פיאנא

(פעליטאן) פון א. אלמי (עליאש)

...און אז פאדערעווסקי, דער פוילישער פיאנא שפיעלער און עקספרעמיער, האט זיך דערוויסט, אז ענגלאנד האט צוריק־געוויזען פוילען'ס פארלאנג פאר א הלואה, האט ער געכאפט א האק און צעבראכען זיין פיאנא אויף שטיקלאך, אלס פרא־טעסט געגען דער ענגלישער רעגירונג.

אזוי דערציעהלט א טעלעגראמע פון ווארשא און איך גלויב אין יעדען ווארט; א מענש, וואס האט זיין האק פארפלעקט מיט אידיש בלוט, קען מיט דערזעלבער האק אייך צעהאקען א פיאנא, זיין איי־גענע, נישט־אידישע פיאנא, וואס האט דעם אידישען פאלק געשפיעלט אזעלכע טרויעריגע מעלאדיען.

איך שטעל זיך פאר ווי אומגליקליך ענגלאנד פיהלט זיך איצט — אט האט איהר פאדערעווסקי אפגעטאן — צע־בראכען זיין פארטעפיאן! וואס פאר א פארגליך זענען די אומרוהען אין עגיפ־טען, די אויפברויזען אין אינדיען, די צרות אין אירלאנד אנטקעגען פאדערעווס־קי'ס געבראכענער פיאנא? וואלט ענג־לאנד פריהער פארעכטיגט, אז פאדע־רעווסקי קען איהר אפטאן אזא שפיצעל, וואלט זי קיין מינוט נישט געקלערט און פוילען אפגעשטעקט עטליכע צעהנדליג ביי־ליאנדלעך, אבי דער עקספרעמיער זאל נים צעשטעטעריען מיט א האק זיין פיא־נא.

איצט וועט שוין ענגלאנד וויסען, אז מ'טאר זיך מיט פוילען נישט אנהויבען. זאל פאדערעווסקי זיך איצט קויפען א נייע פיאנא, וועט ער מיט איהר קענען איינגעהמען די גאנצע וועלט. ער וועט א כאפ טאן דאס פיאנאלע און א גע־שריי טאן צו ענגלאנד: „העלפסטו מיר פארכאפען בערדיטשעוו, מאסקווע, פעט־ראגראד און פינטשעוו איז גוט; אויב נישט, צעקנאק איך די פיאנא אויף שטיק שטיקלעך!“ און ענגלאנד וועט זיך נא־טירליך דערשרעקען און פאר איהם טאן וואס נאר ער וועט וועלען.

דאן וועט זיך פאדערעווסקי נעהמען צו פראנקרייך, צו איטאליען, צו אמערי־קא און פון יעדע פאדערען אלע אום־מעגליכקייטען: פראנקרייך זאל איהם אפ־שטעקען פאריז, איטאליען — רוים מיט וועניעדיג און נאך עטליכע שטעדט; אמע־ריקא — ניו יארק, בראנזוויל, באסטאן, סאן־פראנציסקא און דאס בית מדרש הגדול — אויב נישט, ווייסט איהר דאך שוין וואס ער טוט: ער צעברעכט זיין פיאנא און מאכט איך אומגליקליך אויפ'ן גאנצען לעבען...

אט אזוי וועט פאדערעווסקי באזיע־גען אלע פעלקער און פוילען וועט הער־שען איבער דער גאנצער וועלט פון הודו ביז כוש, און אלע מדינות וועלען אונ־טערטעניג דיענען דעם „פאן“ אבי פא־דערעווסקי זאל, חלילה נישט צעשמע־טערען זיין פיאנא.

מיינער א שכן א פידלער, וואס פי־דעלט אויף חתונות, האט זיך באצייטענס אראפגענומען א ביישפיעל פון פאדע־רעווסקין און ער איז צו מיר אריינגעפא־לען מיט דער פאדערונג, אז איך זאל איהם שנעל, ווי מעגליך, אוועקגעבען מיין נייעם, שבת'דיגען אנצוג און דאס טוליפ און די געלע שיך און דעם זיידענעם קראוואט — אויב נישט צעברעכט ער זיין פידעל און הערט אויף צו פידלען. פארשטעהט זיך, אז איך האב איהם אלצ־דינג נאכגעגעבען, אבי ער זאל נישט צע־מזיק'ן זיין פידעל.

צומארגענס איז דערזעלבער פידלער צו מיר אריינגעפאלען מיט א נייער פא־דערונג, אז איך זאל איהם אפטרעטען מיין בעט און מיין שאפע און איך זאל איהם גלאט געבען עטליכע דאלאר אין קעשענע אריין, אויב נישט נעהמט ער די נאטען — וועלכע ער קען סייווי נישט לעזען — און צערייסט זיי אויף פיץ־פיצלעך, און ווידער האב איך זיך איבער־געשראקען אויף טויט און באפרידיגט זיין פאדערונג.

איצט זיץ איך אין איין ציטערניש: אנטקעגען מיין פענסטער געפינט זיך א צוויפעלהאפטע בתולה מיט רויטע האר, וואס באמבארדירט טאג און נאכט אויף א פיאנא; וואס טו איך, אז זי פאלט אריין צו מיר און שטעלט מיר אוועק א פאדערונג: אדער כ'זאל מיט איהר חתונה האבען, אדער זי נעהמט א העקעל און צעברעכט איהר פיאנא? כ'וועל דאך נישט לאזען נעהמען א פיאנא און צע־ברעכען!

און וואס עפעס דוקא זי? האט איהר שוין היינטיגע צייטונג געזעהן א הויז אהן א פיאנא? און יעדע פיאנא האט א תליון איבער זיך. וואס קוילעט זי אויף נאטען; שטעלט זיך נאר פאר, וואס די אלע פיאנא־קלעמפלער, מיידען און יונגען, מאמעס, טאטעס און קינדער קע־נען ביי מיר אלין ארויספאדערען, ווען זיי אלע זאלען זיך וועלען באנוצען מיט פאדערעווסקי'ס מיטעל!

און דער ארטיסט־מאהלער, וואס וואוינט אין דער צווייטער טיר האט זיך שוין אויך אפגעלערנט פון פאדערעוו־סקי'ן און ער איז צו מיר אריינגעפאלען מיט זיין סאלעניש: א בילד פון א גע־בראטענעם הערינג, און נאטירליכע פאר־בען — און מיך גענומען סטראשען, אז אויב איך וועל באלד נישט אנשרייבען וועגען איהם אן ארטיקעל, אז ער איז דער גרעסטער פארבען־קינסטלער פון אלע צייטען און דורות און אז לעאנאר־דא־ווינטשי, רעמבראנדט, ראפאעל און די אנדערע מאהלערלעך, דארפען איהם די שטיוועל פוצען, נעהמט ער און צערייסט זיין קונסט־בילד אויף ברעק־ברעקלעך — אוים קונסט!

צום סוף האב איך זיך אליין מיישב געווען, אז איך קען זיין ערפאלגרייך, ווען איך זאל אויך אנווענדען פאדערעווסקיס מיטעל; האב איך א כאפ געטאן מיין שרייב־מאשין, וועלכע איז ביי מיר פונקט אזוי ווי ביי פאדערעווסקי'ן די פיאנא און אויף וועלכע איך קלאפ די פינגער ווי פאדערעווסקי אויף די קלאווישען — און בין אוועקגעלאפען צום רעדאקטאר מיט א סטראשונאק, אז אויב ער טרעט מיר נישט אפ זיין פלאץ, מיט זיין גע־האלט, מיט זיין אלצדינג — גיעב איך די שרייב־מאשין א טערעבענץ אין דער־ערד, אז זי וועט צעזעצט ווערען אויף טויזענט אטאמען. דעריבער, אויב ער וויל פארמיידען אזא אומגליק, זאל ער אייגענטליך נאכגעבען מיינע פאדע־רונגען.

דא' איז ג'ראד אנגעקומען דער ארויס־געבער פון דער צייטונג אז איך האב איהם אויך געפאקט און א דונער געטאן; אדער גיט מיר באלד אוועק אייער אר־טאמאביל, מיט אייער דיענסט, מיט אלע אקציעס פון דער צייטונג, אדער איך צע־שמעטער מיין שרייב־מאשין פאר אייערע אויגען.

דער רעדאקטאר איז געזעסען בלייך און דער ארויסגעבער האט געציטערט ווי א בלאט, נישט אראפנעהמענדיג קיין אויג פון דער שרייב־מאשין, וועלכע איז אפהענגיג געווען פון מיין גנאד און פון זייער ווארט.

שלוס אויף זייט 3

דער „דרייוו" פאר א אידישען האספיטאל אין דעטראיט

פון ד. ראוויטש

איך האב לעצטען זונטאג בייגעוואוינט אן אגיטאציאנס־מיטינג פאר׳ן געפלאנ־טען אידישען האספיטאל אין דעטראיט און דער איינדרוק, וואס איך האב ארויס־געטראגען פון יענעם מיטינג איז: אז מיר וועלען האבען א אידישען האספי־טאל אין דעטראיט און — גאר אין גי־כען.

געקומען איז צו מיר דער דאזיגער איינדרוק ניט דערפאר ווייל די אהבת אחים שוהל פון אוקלאנד איז געווען אי־בערגעפאקט מיט אידען, ווי עס איז לייד־דער ניט געווען דער פאל, נאר ווייל איך בין צום ערשטען מאל געקומען אין באַ־ריהרונג מיט די „פריי־מויערער", וועלכע האבען זיך אונטערגענומען בויען דיזען לעבענס־נויטווענדיגע אינסטיטוציע.

עס איז מיר קלאהר געווארען, אז מיר האבען דא צו טאן מיט מענשען, וועלכע האבען זיך איבערגעגעבען צו דער אי־דעע פון א אידישען האספיטאל מיט לייב און לעבען און וואס מעהר מען וועט ווארפען שטיינער אין זייערע רייהען, אלץ פלייסיגער וועלען זיי בויען.

יא, זיי זענען איינוואוינער פון הייס־טינגס סטריט, אבער קינדער פון דעם עם קשה עורף...

און דארטען וואו עס איז דא עקשנות, איז דא ווילען; און דארטען וואו עס איז דא ווילען איז דא כוח.

און וואס דארף מען נאך? געלט?

דאס איז שוין א קליינע זאכה! הייס־טינגס סטריט אלס גאנצע איז גענוג רייך און מיט א פאר־אייניגטער הייסטינגס סטריט קען מען ניט נאר א שעהנעם אי־דישען האספיטאל בויען, נאר מען קען אויך ווייזען אונזערע „ארויפגעארבייטע" מיוחסים פון גלות־טעמפעל, אז זיי האַ־בען זיך לחלוטין גישט וואס צו שעהמען מיט זייערע לאנדסלייט און קרובים פון הייסטינגס סטריט.

עס זענען שוין לאנג אוועק יענע צייטען, ווען אידישע אימיגראנטען האבען זיך קיין ריהר ניט געקענט טאן אויף די הייבע פעטערס. די אידישע גאס אין אמע־ריקא איז שוין היינט א גאנץ אנדערע. עס איז שוין ניטא מעהר יענע תוהו ובוהו, וואס האט געהערשט אין די ערש־טע יאהרען פון אידישער אימיגראציע.

עס האט זיך פארמירט א אידיש לעבען; עס הויבט זיך אן שאפען א גאנץ איי־גענארטיגע קולטור; עס האט זיך ענט־וויקעלט א מעכטיגע אידישע פרעסע, די לאנד־שפראך איז שוין ניט מעהר א פאר זיגעלטער בוך אין די אויגען פון דעם אידישען אימיגראנט — קורץ, די ברייטע אידישע מאסע לעבט שוין יעצט אויף אייגענער קעסט און זי דארף ניט קיין פארזארגער.

עס איז גענוג צו מאכען איין שפּאַ־ציער אויף הייסטינגס סטריט, און מען קען גלייך איינזעהן, אז די אויסע־ליכע ניט־געפוצטקייט שטערט ניט אויף א האר דעם גרויסען בייטראג צו דעם ראיטס באַ־ייבערונג מצד דער ענערגיע און פעהיגקייט פון׳ם אידישען אימי־גראנט. אויף הייסטינגס סטריט ווערען געפיהרט געשעפטען אויף אן אומגעהייער גרויסען מאסשטאב און דאס טוען ניט די אידען פון רעפארם־טעמפעל, אבער אויך ניט קיין „גרינהארנס". אמת, עס איז נאך ערשט אין פּראָצעס פון איבער־ארבייטונג, און דערפאר ווערט פיליכט די אויסערליכע זייט פארנאכלעסיגט. אבער מיר זעהען בפועל ממש ווי אידען ווערען אמעריקאנער תושבים; מען שטעהט שוין מיט ביידע פיס אויף דער ערד; מען הויבט שוין אן דערפיהלען וואס איינגעזעסענע בירגער דארפען האַ־בען, וואס עס פעהלט און וואס מען דארף בויען.

ניין, אידען פון הייסטינגס סטריט זע־נען, אפשר, מיט קליינע אויסנאהמען, ניט מעהר קיין „גרינהארנס".

„גרינהארנס", וועלכע קומען אויף א ווייל, אום אפצושפארען א פאר דאלאר און פאהרען צוריק פון וואנען זיי זענען געקומען — ריידען ניט פון בויען בנינים ווי א אידישען האספיטאל, אדער גויר־סער, א בית יתומים, א מושב זקנים און עהנליכע. א „גרינהארן" האלט פון עם כלל, אז ער דארף נעמען פון גרייטען כל זמן ער איז דא און געבען נאך ניט, ווייל דער אינטערעס פון לאנד, שטאט און קהלה איז איהם פרעמד. ער וועט ניט ריידען פון שטעלען בנינים, ווייל א וואנדערער דארף ניט קיין בנין. פאר איהם איז א „טענט", וואו מען קען איבער־נעכטיגען א פאר מאל, אויך גע־נוג.

אלזא נאך א מאל: דער פאקט אליין, וואס מענשען האבען דערפיהלט די נויט־ווענדיגקייט צו בויען אייגענע אנשטאל־טען, וואס אין אנדערע ווערטער מיינט עס: אויספאלגען דעם כאראקטעריסטיש־אמעריקאנישען געזעץ פון „העלפּ יור סעלף" — אט דער דאזיגער פאקט אליין ווייזט, אז די גרויסע אידישע מאסע פון אמעריקא ווערט דורכגעדרונגען מיט דעם געדאנק, אז מען ווערט איינגעזעסענע בירגער, מיט ספעציעלע נויטווענדיגקייטען און פליכטען.

א גוטער בירגער איז דער, וואס האט אין זינען די נויטווענדיגקייטען פון זיין קהילה, דער וואס העלפט באווייבערען זיין לאנד און זיין שטאט; דער וואס העלפט בויען „בנינים לדורות" — דער וואס דערפיהלט זיין פליכט אלס בירגער.

א שלעכטער בירגער איז דער, וואס פארזארגט ניט זיינע ספעציפיציטישע נויטען; דער וואס איז א פאראזיט אויף א פרעמדען קערפער; דער וואס קלאפט אין פרעמדע טירען; דער וואס קריכט אהין, וואו מען וויל איהם ניט האבען; דער וואס זוכט צו שניידען וואס אנדערע האַ־בען געזייהט — דער וואס דערפילט ניט זיין פליכט אלס בירגער.

און עס מאכט ניט אויס, צו דער דאזי־גער פאראזיט איז א „גרינהארן" אדער אן ארויפגעארבייטער „אלרייטניק" — ביידע ברענגען די זעלבע נוצען; דער אונטערשיעד איז נאר, וואס דער ערשטער ארבייט שווער ערגעץ אין א פעקטארי, ביז ער שפארט אפּ א פאר כשר־פאר־דינטע דאלארס און פיהרט זיי אוועק צוריק אהיים, און דער אנדערער — מאכט לייכטע פראפיטען פון ריעל עס־טייט אדער אנדערע ספעקולאציעס, און האלט זיי ביי זיך אין בייטעל...

אין דעם פּרט ברענגט שוין דער „גרינ־הארן" מעהר נוצען ווי דער אלרייטניק.

* * *

עס איז די פליכט פון יעדען אידישען בעל הבית און ארבייטער זיך אנצושלי־סען אלס מיטגליעדער אין דער „היברו האספיטאל אסאסיאיישאן" און העלפען די איניציאטארס דורכצופיהרען זייער גראנדיעזען פלאן.

אויסהערענדיג איינינע רעדנער ביים מיטינג לעצטען זונטאג אין אוקלאנד, איז מיר קלאהר געווארען, אז זיי ווייסען וואס זיי ווילען און דאס איז די ערשטע פאַ־דערונג, וואס איך פערזענליך שטעל צו מתעסקים פאר א געוויסער אינסטיטו־ציע.

און ווען אן עלטערע פרוי האט מיר צוגעטראגען א מיטגליעדס־קארד, האב איך ניט געטראכט א מינוט און האב עס אויסגעפילט.

און זייענדיג א מיטגליעד פון דער אסאסיאיישאן, וועל איך קענען צו די מיטינגען קומען און אויסהערען באריכ־טען, אנשטאט ארויסצוקומען מיט אומ־באגרינדעטע אטאקעס, ווי עס טוען איי־ניגע פון אונזערע „מיוחסים".

עס פאדערט זיך טאקע נאר יענע איי־זערנע חוצפה פון אן „אלרייטניק" ארויס צו קומען שטערען די אויפבויאונג פון אן אנשטאלט, אין וועלכען איך, איהר און מיר אלע נויטיגען זיך אזוי שטארק.

עס איז דא א גרויסער אונטערשיעד פון קריטיק ביז ווארפען שטיינער. עהר־ליכע קריטיק קען בלויז אנגעווענדעט ווערען צו א זאך וואס שטעהט אויף א פעסטען בארען. אבער אין דער צייט ווען א זאך האלט זיך אין שאפען, איז עהרליכע קריטיק בלויז מעגליך שטעהענ־דיג ביי דער ארבייט. בלויז דער וואס לייגט צו א האנט האט א רעכט אנצוואַ־ווייזען, וואס מ׳דארף און וואס מ׳דארף ניט. און דער וואס שטעהט די הענט אין די קעשענעס, מיט א ציגאר אין מויל און מיט א ציניש שמייכעל אויף די ליפען, דארף טאן בלויז איין זאך: שווייגען!

און ווען ער שווייגט ניט, ווען ער נעהמט ארויס מיט זלזולים און אומבאַ־גרינדעטע טענות — קען ער דערמיט בלויז העלפען פארשטארקערען די עקשנות פון די בויער, וועלכע האבען זיך גע־שטעלט איין אויפגאבע צו בויען.

זעהר ריכטיג האט באמערקט מר. האל־סקין, איינער פון די רעדנער ביים מי־טינג לעצטען זונטאג אין אהבת אחים שוהל: „וואס מעהר שטיינער מיר וועלען קריגען פון דער צושטערונגס־מחנה — האט ער געזאגט — אלץ טיעפער וועט דער געדאנק פון א אידישען האספיטאל דורכדרינגען אונזערע מחות און מיר וועלען דערפיהרען אונזער ארבייט צו ער־פאלג, טראץ אלע שטיינער און דערנער"

איהר הערט ווערטער? ניין, אזוי רעדט ניט א „גרינהארן", נאר א נוצליכער בירגער מיט קאנסטרוקטיווער ענערגיע. אזוי רעדט א מענש מיט איבערצייגונג און מיט פליכטען.

דעטראיט וועט האבען א אידישען האספיטאל, ווייל... ווייל אזוי וויל די שאַ־פענדע און בויענדע הייסטינגס סטריט!

ערב פסח׳דיגע זכרונות פון דער אלטער היים

און ווידער, הער איך, קרעהט א האהן, צי הויבט מען באקען מצה אן ?...
צי פיהלט מען שוין דעם זיסען לאסט באנענענען דעם פסח־גאסט ?

אברהם ראזען

אוים איהר קענט אפפרישען אייער זכרון אביסעל וועט איהר זיך דערמאה־נען ווי מען פלעגט באקען מצות אין דער היים, ברייגנט אייער זכרון צוריק צו דער „בעקערי", וואו גאנץ שטאדט פלעגט באקען מצות, ווי מען פלעגט מאזען די מיירע, קנעטען דעם טייג מיט די הענד, דערנאך וואלגערען, רעדע־לען און דאן ארייזעצען אין אויווען. העלפט פון די מצות פלעגען ארוים האלב פערברענט, אנדערע האלב ניט דערבאקען, און דאן פלעגט מען זיי אין א קויש אדער א קאסטען אהיים פיהרען און דארט האלטע ביז צו די פסח טעג.

דא אין אמעריקא ווייסט די באַ־לעבאסטע ניט פון די אלע זאכען. דא קריגט מען די פאַרטיגע מצה אין שטוב אריין, און מען האט קיין שום דאגה ניט וועגען דעם ווי אזוי די מצה ווערט גע־באקען.

א סצענע אין דער ב. מאנישעוויטץ מצה בעקעריי, ווי די מצה קומט ארוים פון אויווען.

עס וואלט אבער פאר אייך ווערטה געווען אלע געלדער ווען איהר וואלט געקענט כאטש איין בליק געבען אויף די מאנישעוויטץ מצה בעקערי אין סינסינעטי. איהר וואלט אייערע אייגענע אויגען ניט געגלויבט און ווען איהר וואלט גע־זעהן ווי די מצה וואס איהר עסט ווערט געמאכט וואלט איהר זיך געשטעלט די פראגע: רבש״ע ווי אזוי האבען מיר געגעסען יענע מצה דארטען אויף יענער זייט ים ?

דא זעהט איהר ווי פון אויבען קומט אריין מעהל אין א זיפּ וואס זיפּט עס דורך פיעלע מאהל, און וועלכע פאלט אריין אין א קעסעל, וואו עס גיסט זיך אריין מים שלנו, פון א דערבייאיגען טענק און די מאשינערי קנעט אויס א טייג, א פראכט, אן אנדער מאשין וואַל־גערט עס, אלע איין סייז, איין דיקקייט, אהער בעסער געזאגט דינקייט, רעדעלט עס, שניידט עס און שיבט עס אריין אין אן עלעקטרישען אויווען, וואו זיי ווע־רען גוט דורכגעבאקען און פון דער אנ־דערע זייט געהען ליניען מיט שעהן גע־באקענע מצות, איינע ניט אנדערש פון דער אנדערע, „ווי איין מאמע וואלט זיי געהאט" ווי מען זאגט, און ווערען צוזאמענגעשטעלט אין רייהען, זיי זאַ־לען זיך קענען צופאסען צו דער באקסעל אין וועלכע זיי דארפען קומען געפאקט. דאס באקסעל ווערט זאגאר אטאמאטיש פארזיגעלט, און עס ריהרט זיך ניט צו קיין האנד צו די מצה ביז עס קומט צו אייער אייגענער האנד. אט דאס הייסט זהירות און כשרות !

דאס פאקען איז אזא וואונדערבארע אז עס פערזיכערט אייך, אז אפילו מאַ־נאטען שפעטער וועט די מצה פארבלייַ־בען פריש און קרובלע.

דיזער סארט פאקען איז דער סוד פון די גרויסע באריהמטע פעקינג קאמ־פאניעס, וועלכע שיקען זייערע פראדוק־טען אויף טויזענדער מיילען אוועק, זאַ־גאר אין איירָאפּא און זיי קומען אן אין דעם זעלבען צושטאנד ווי זיי זיינען ארויסגעקומען פון אויווען. דאס איז טאַ־קי די אורזאכע וואַרום די מאנישעוויץ מצה איז דער ליבלינג פון אלע אידען, ניט נור פון אמעריקא נור אויך פון ענג־לאנד, פראנקרייך, אויסטראליא און אפ־ריקא, וואו די מצה ווערט געברויכט.

ווערענד די מצה אין יוראפּ וואס איהר האט געזעהן ווי מען באקט איז ארויסגעקומען ניט געראטען און אפט ווען מען האט עס געדארפט עסען האט עס שוין במעט ווי קיין טעם ניט געהאט, זיינען די מאנישעוויץ׳ס מצות פריש, קרובלע און געשמאק, ווייל די מאדערנע קונסט פון באקען און די ספעציעלע מאנישעוויטץ פאקען זיינען אזעלכע ער־פינדונגען וואס פארזיכערען די מעלות.

דער יקרות געשלאגען

ליבערטי באנדס פארקויפען זיך אונ־טער דער פּרייז. —

וועלל, אויף אלצדינג איז אזא יקרות, לאז מען חאטש קענען קויפען א ליבער־טי באנד בילינגער.

* * *

קעניגליכע מאדעס

קעניג דזשארדזש׳ס הויזען האבען די קאנטען אין די זייטען. —

וועלל, אזוי לאנג ווי ער קעמט ניט זיינע וואנצעס ארויף א־לא ווילהעלם האט מען פאר איהם קיין מורא ניט.

* * *

איהר מענער וואס דארפט הויזען
איהר מענער וואס ווילט
שפּאָרען געלט

„דאטשעס" איז באוואוסט איבער׳ן גאנצען לאנד פאר קוואַ־ליטי און שטארקייט.

„דאטשעס" קאסטען עטוואס מעהר ווי אוועראלס און זומער זענען אוועראלס צו שווער. באזארגט זיך. אלזא מיט א פאר „דאטשעס".

מיר זענען די איינציגע פארטרעטער פון „דאטשעס". און זיי זענען געמאכט אין א פעקטארי וואס איז גוט באקאנט אין לאנד.

גאראנטירט יעדער קנעפעל יעדע נאט.

פארהאן סטיילס פאר יונגעלייט, דינע, מאגערע, און אויך פאר דיקע פעטע.

דאטשעס הויזען	$3.98	מארס און ווארסטעדס דאטשעס הויזען צו	$7.98
מידיום טונקעלע פעטערנס.		פיינער בלויער סורזשביט קאף באטאנס דאטשעס הוי־זען	$8.98
גאראנטירט דאטשעס הויזען צו	$4.98	וואול פלאנעל פאר יונגעייט	
אלערליי פעטערנס קעשמירס.		גאראנטירט דאטשעס הויזען	13 50
דאטשעס הויז צו	$5.98	עקסטרא פיין אלערליי קאלי־רען.	
א ביסעל בעסערע און קעש			

Crowley, Milner & Co.

Gratiot, Farmer, Monroe and Library Aves.

קויפט אין אוקלאנד און סייווט געלד.

דער שענסטער סטאר אין אוקלאנד פאר סטייל און מעסיגע פרייזען.

לודין און גולדס

741 אוקלאנד עוו.

נעבען קעקילווארט

דער סטאר וואס גיט אייך סאטיספעקשאן א גאנץ יאהר, וועט אייך נאך מעהר צופרידענשטעלען איצט.

לכבוד פסח

מיר האבען דעם שעהנסטען אויסוואהל פון

מענס און יונג מענס סוטס

הערטס פולנישינגס, די לייטעסטע מאדעלס און פעשאנס, אונ־זערע פרייזען וועלען אייך איבערראשען.

Loudin & Guld

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע־ריקאנער דאלערס.

קעדילאק 2061

די באריהמטע

ר׳ב מאיר לאנדאן׳ס
מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט בילינער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר׳ מאיר לאנדאן׳ס

מצות און האט הנאה פון פסח. אררערט באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעציייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder   Cherry 6203

אן אפיל צו אלע בארקער לאנדסלייט אין אמעריקא פון בארקער רב.

— ווערטע לאנדסלייט :

אונזער שטעטעל אין וועלכע איהר זייט געבוירען און ערצויגען געווארען איז אויף דעם שוועל פון אונטערגאנג.

מיר געהען פשוט אוים פון הונגער און קעלט. מיר האבען זשוגאר ניט מער קיין שפאטעס מיט וואס אונזערע נאקעטע קערפערס ארומצואוויקלען. ווי די לאגע איז איצט ביי אונז אין בארקע קענט איהר זיך פארשטעלען פון דעם פאקט דאס קינדער אונטער דריי יאר עקזיסטי־רען ניט מער. זיי שטארבען אלע אוים

ווייל עס איז ניטא גענוג זייערע לעבענס צו דערהאלטען. איהר קענט זיך פאר־שטעלען די שרעקליכע טראגעדיע אז ווען א קינד שטארבט ביי דער מוטער אויף די הענט ווייל זי האט ניט געהאט מיט וואס עס צו ערנעהרען. „כי שאלו לחם ואין עונה“.

און די גרויסע מענשען קריגען בלויז איין מאל אין טאג א שטיקעל ברויט אפ־צועסען אום כדי איינצוהאלטען זייערע לעבענס ביז מיר וועלען קריגען הילפע פון אייך אין אמעריקא.

בארקער לאנדסלייט! וועט איהר לא־זען אייער שטעטעל אין גאנצען חרוב ווערען, וועט איהר לאזען אייערע טאטעס און מאמעס און שוועסטער און ברידער און פריינד אויסגעהן פון הונגער און קעלט? העלפט ! ! העלפט ! ! העלפט !!

העלפט זיי מיט וויפיעל איהר קענט אי נאך מערער וויפיעל איהר קענט. גיט די לעבעדיגע ברויט און די טויטע אויף תכריכים !

אבטונגספאל,

יוחנן סנרקי, — רב בבדקה.

נ. ב. פאר דיעזען צוועק האט זיך גע־גרינדעט די בארקער רעליעף קאמיטעט און פאדערט אויף אלע לאנדסלייט וואו זיי געפינען זיך נאר, זיי זאלען זיך גלייך שטעלען אין פארבינדונג מיט דעם קאמי־טעט און אויך צושיקען זייערע דאנע־ישאנס וויפיעל זיי קענען נאר, פאר די בארקער ליידענדע. מיר בעטען יעדען לאנדסמאן, צו גרינדען קאמיטעען און זיין שטאט און צושיקען דאנעישאנס אויף דעם פאלגענדען אדרעס :

ראובן פלאמראט,

153 איסט בראדוויי,

ניו יארק סיטי.

טשערמאן.

א נייע ערקלערונג וועגען די „פרעמדע“.

אין „סאניטאר“ איז אפגעדרוקט אן ענטפער פון אינער־מיניסטער אויף דעם ערשטען קאמיניקאט פון די אידישע סיים־דעפוטאטען מכח רעגיסטראציע פון די „פרעמדע“ דער מיניסטער שרייבט, אז דע־ פונקט פון שלום טראקטאט,

וועלכע אלע, וואס האבען געוואוינט אויף דער טעריטאריע פון פוילישען מלוכה אין דעם מאמענט, ווען דער שלום טראק־טאט איז אריין אין קראפט, ווערען פאר רעכענט אלס פוילישע בירגער. — באצ־ציהט זיך, נוך אויף די שטענדיגע (סטא־לע) אייגוואוינער, אויף יענע וועלכע די־נען פארשריבען אין די ביכער פון די

שטענדיגע באפעלקערונג; יענע, וועלכע זיינען אנגעקומען קיין פוילען פון אנ־דערע טיילען פון דער געוועזענער רוסי־שער מלוכה און איידער ס'איז ענט־שטאנען די פוילישע מלוכה — און זיי האבען נישט דורכגעפיהרט די פאר־מא־ליטעטען פון באפרייען זיך פון דער רו־סישער אונטערטאנשאפט און זיינען

פעברואר. אזוי ארום וועלען די אידען נישט האבען די מעגליכקייט צו באטיי־ליגען זיך אין די וואהלען.

עס איז כדאי צו אבמערקען, אז אין כמיעלניק זיינען שוין פארגעקומען איין מאל וואהלען, דער־ביי זיינען אויסגע־וועהלט געווארען 20 אידען און 4 קריס־טען יענע וואהלען זיינען אבער בא־טראכט געווארען אלס אונגילטיג.

שקאלניק און גינעסין

שקאלניק פאר סאטיספעקשאן	צו זייערע קאסטומער	גינעסין פאר גאראנטי

א קאמפליט נייער, פרישער סטאק

אונזער לעצטער 4־טער יעהרליכער סייל האט אויספאר־קויפט אונזער גאנצען סטאק, דעם פאקט געבען אפילו צו אלע מ ווידטשענטס. און דעריבער איז אונזער איצטיגער

נייטען סקאלניק

סעמיועל א. גינעסין

פסח סטאק

פאלשטענדיג ניי און האט צו זיך קיין גלייכען

מיר האבען גלייך נאכן סייל אריינבאקומען א ליין פון

מענ'ס און יאנג מענ'ס סוטס

וואו די סטיילס זענען דאס לעצטע ווארט אין ארטיסטיק טיי־לארינג איהר וועט באצייבערט ווערען פון אונזערע ספרינג מאדעלס און פעשאנס, און דערצו טאקע וועלען איך איבער ראשען אונזערע מעסיגע פרייזען.

א ריעזיגער אויסוואהל פון

ליידיס און מענס שוהס

אלע סטיילס וואס זענען צוציהענד פאר'ן אויג, געשמאקפול געפוצעד און זעהר מעסיג געפרייזט.

העטס

אין אלע שיידס און קאלירען.

סילק שוירטס

צו פרייזען, וואס איהר וועט אין ערגעץ ניט באקומען. יעדער ארטיקעל איז גאראנטירט.

קומט היינט. לעגט ניט אפ אויף דעם לעצטען טאג.

Scholnik and Ghinasin

HASTINGS COR. WINDER

פון פארבאנד פון אוקראינער אידען.

דער פארבאנד פון אוקראינער אידען פון אמעריקא האט שוין אויסגעארבייט א פלאן פאר די פארשטעהענדע קאנ־פערענצען אין פארשידענע געגענדען פון ניויארק ווי אויך איבער גאנץ אמע־ריקא.

אין ניויארק וועלען די קאנפערענ־צען גערופען ווערען נאך גובערניעס. עס וועלען גערופען ווערען פארטרעטער פון אלע שטעדט און שטעדטלאך פון א בא־שטימטער גובערניע אין א באשטימטען פלאן. דאס קאמיטע פאר דער ארגאניזי־רונג פון די קאנפערענצען איז איבער־צייגט, אז קיין לאנדסמאנשאפט וועט זיך ניט צוריקהאלטען פון צו זיין פאר־טראטען ביי אט די קאנפערענצען, וואס וועלען דינען אלס דער ערשטער שריט פאר דער פארווירקליכונג פון די אנגע־נומענע רעזאלוציעס ביי דער קאנווענ־שאן אין פילאדעלפיא.

אין ניויארק וועלען די קאנפערענצען פארקומען מיטוואך דעם 7־טען אפריל. די גאנצע עקזעקוטיווע קאמיטע פון'ם פאר באנד האט פארטיילט צווישען זיך די פארשידענע געגענדען פון'ם שטאדט און אז אומעטום וועלען מוזען זיין א פאר פון דער עקזעקוטיווע אום צו פיה־רען די קאנפערענצען. עס ווערען אויך ערוואַרטעט אנגעזעהענע רעדנער.

אין דער פראווינץ וועלען די קאנפע־רענצען פארקומען דעם 14־טען, 17־טען און 18־טען אפריל.

דער הויפט צוועק פון די קאנפערענ־צען וועט זיין ענדליך איינצופיהרען דאס אמעריקאניש־אוקראינישע אידענטהום און עס ארגאניזירען אלס איין שטארקע און גרויסע קערפערשאפט וואס זאל קע־נען מיט ערפאלג אונטערנעמען די גרוי־סע הילפס־ארבייט וואס מוז געטהון ווע־רען און טאקע באלד. געטהון ווערען פאר אונזערע אומגליקליכע פון יענער זייט ים.

א הילפס קאנפערענץ אין פוילען.

עס ווערען שוין געמאכט גרויסע הכנות צו פאררופען א הילפס קאנפע־רענץ אין פוילען וועלכע זאל פארטרע־טען די אידען פון'ם גאנצען לאנד. די ארגאניזירונגס קאמיטע האט שוין אבגע־האלטען איר ערשטע זיצונג אויף וועל־כער עס איז באשלאסען געווארען אז אלע שטעט מיט א באפעלקערונג פון איי־בער 3000 נפשות זאלען זיך באטייליגען אין דער קאנפערענץ.

גרויסע האפנונגען ווערען געלעגט אויף דער דאזיגער קאנפערענץ און מען ערווארטעט אז אלע אידישע פארטייען אין פוילען וועלען זיך פאראייניגען אין אן אלגעמייגער אנשטרענגונג צו העל־פען די ליידענדע.

אידען ענדערן זייערע נעמען אין דייטשלאנד.

דער קאנסערוואטיווער דעפוטאט פון דייטשען פארלאמענט האט לעצטענס אויפמערקזאם געמאכט די דייטשע רעגי־רונג אויף'ן פאקט אז פילע אידען ענדע־רען זייערע נעמען און נעמען אן דייטשע. ער האט דאריבער געבעטען די רעגירונג אנצונעמען מאסרעגלען כדי דאס ניט צו דערלאזען.

שוואַרץ'ס

רוסיש־טערקישע, עלעקטרישע באד

מיט גרויסע מארבעל וואנעס, 2 כשר'ה מקוואות, עלעקטריק קאבינעטס. וט פאר פארקיהלונג, רומאטיזם, בראנקייטעס און פאר אלע וועלכע ווילען האבען א גוטע בלוט סירקולייזשאן. זעהר א שעהנע רעסטינג רום פאר שלאפען געבט. מיר פאר־רעכנען אויך די בעטען וועכענטליך פאר ריזאנייבל פרייזען. סטריקטלי ריין און גוט בעהאנדלונג.

שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך

ניייעס פאר אקלאנד !

א פוירסט קלעס קלינינג, ריפיירינג און טיילארינג שאפ ווי אויך דרעסמייקינג האט זיך געעפענט

— אויף —

759 אקלאנד

ניער וועסטמינסטער, נעקסט צו דער קא־אפעראטיווער בעקערי אונטער דעם נאמען

The Sunlight Cleaning and Dyeing Co.

אונזער גוטע ארבייט און מעסיגע פרייזען וועלען איך מאכען פאר אונזער שטענדי־גען קאסטומער.

ראזענפעלד'ס

רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע בעהאנדלונג

30 גרויסע וואנעס — צוויי כשרע מקוואות

שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך. 1846 ארפרעד סט. ביטווין ענטווין און בוביען.



אונזערע ספעשעל מאשינען סיוען ארבייט.

אונזערע איבערגעבילטע מאשינען סיוען גלהה.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פראפיט

מיר פארקויפען די בעסטע אין דער ליין פון נעה מאשינען פיר יעדער סטיטשינג אפערישאן, א חוץ די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעיוזטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סיאוען פיעל געלד דערביי!

A. C. Payer

119 E. Jefferson — טעלעפאן טשערי 1813

די מאדערנסטע הייל מעטהאדען פאר פליכעוואטע

איז עס מעגליך אז האר זאלוואקסען אויף א פליך ?

דאס איז די אייביגע פראגע

אפילו די מאנופעקטשורערס פון די בעסטע ארוועטייזטע היילמיטלען פאר האר וואקסען, זאגען, דאס די ווארצלען פון די האר זיינען טויט, ווען די מיטלען זייע־רע ברייגען ניט דעם געוואונשטען רעזולטאט. עס איז נאר דא איין מיטעל ווי אזוי צו מאכען אז האר זאלען וואקסען אויף א פליכעוואטען קאפ און דאס איז :

היילט זיך מיט דער נאטור

גרין'ס העצעפטען וועלכע זיינען געמאכט פון נאטירליכע גראזען און אנדע־רע נאטור־זאכען זיינען אזוי ווירקזאם פאר האר וואקסען. ווי די מוטער־נאטור זעלבסט. עטליכע מהאנדלונגען וועלען אייך איבערצייגען ווי גוט עס ווירקט גרין'ס מיטעל פאר פליכעוואטע, פאר די ביי וועלכע די האר פאלט אוים און ווי אויך פאר קאפ שמערצען.

S. Green

760 בוביען סטריט — דעטראיט מיש.

אן אפיעל צו אלע בארקער לאנדסלייט אין אמעריקא פון בארקער רב.

ווערטע לאנדסלייט; ——

אונזער שטעטעל אין וועלכע איהר זייט געבוירען און ערצויגען געווארען איז אויף דעם שוועל פון אונטערגאנג. מיר געהען פשוט אוים פון הונגער און קעלט. מיר האבען זאגאר ניט מער קיין שמאטעס מיט וואס אונזערע נאקעטע קערפערס ארומצואוויקלען. ווי די לאגע איז איצט ביי אונז אין בארקע קענט איהר זיך פארשטעלען פון דעם פאקט דאס קינדער אונטער דריי יאר עקזיסטירען ניט מער. זיי שטארבען אלע אוים ווייל עס איז ניטא נענוג זייערע לעבענס צו דערהאלטען. איהר קענט זיך פארשטעלען די שרעקליכע טראגעדיע אז ווען א קינד שטארבט ביי דער מוטער אויף די הענט ווייל זי האט ניט געהאט מיט וואס עס צו ערנעהרען. „כי שאלו לחם אין עונה".

און די גרויסע מענשען קריגען בלויז איין מאל אין טאג א שטיקעל ברויט אפ־צועסען אום כדי איפצוהאלטען זייערע לעבענס ביז מיר וועלען קריגען הילפע פון אייך אין אמעריקא.

בארקער לאנדסלייט! וועט איהר לאזען אייער שטעטעל אין גאנצען חרוב ווערען. וועט איהר לאזען אייערע טאטעס און מאמעס און שוועסטער און ברידער און פריינד אויסגעהן פון הונגער און קעלט? העלפט!! העלפט!! העלפט!!

העלפט זיי מיט וויפיעל איהר קענט אז נאך מערער וויפיעל איהר קענט. גיט די לעבעדיגע ברויט און די טויטע אויף תכריכים!

אכטונגספאל.

יוחנן סנרקי, — רב בבדקה.

נ. ב. פאר דיזען צוועק האט זיך גע־גרינדעט דן בארקער רעליעף קאמיטעט און פאדערט אויף אלע לאנדסלייט וואו זיי געפינען זיך נאר, זיי זאלען זיך גלייך שטעלען אין פארבינדונג מיט דעם קאמי־טעט און אויך צושיקען זייערע דאני־שאנס וויפיעל זיי קענען נאר, פאר די בארקער ליידענדע. מיר בעטען יעדען לאנדסמאן, צו גרינדען קאמיטעטען אין זיין שטאט און צושיקען דאניישאנס אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

ראובן פלאמראט.
153 איסט בראדוויי.
ניי יארק סיטי.

טשערמאן.

פון פארבאנד פון אוקראינער אידען.

דער פארבאנד פון אוקראינער אידען פון אמעריקא האט שוין אויסגעארבייט א פלאן פאר די פארשטעהענדע קאנ־פערענצען און פארשידענע געגענדען פון נויארק ווי אויך איבער גאנץ אמע־ריקא.

אין נויארק וועלען די קאנפערענ־צען גערופען ווערען נאך גובערניעס. עס וועלען גערופען ווערען פארטרעטער פון אלע שטעדט און שטעטלאך פון א באַ־שטימטער גובערניע אין א באשטימטען פלאן. דאס קאמיטע פאר דער ארראנזשי־רונג פון די קאנפערענצען איז איבער־צייגט, אז קיין לאנדסמאנשאפט וועט זיך ניט ענטהאלטען פון צו זיין פאר־טראטען ביי אט די קאנפערענצען וואס וועלען דיענען אלס דער ערשטער שריט פאר דער פארווירקליכונג פון די אנגע־נומענע רעזאלוציעס ביי דער קאנווענ־שאן אין פילאדעלפיא.

אין נויארק וועלען די קאנפערענצען פארקומען מיטוואך דעם 7־טען אפריל. די גאנצע עקזעקוטיוו קאמיטע פון'ם פאר־באנד האט פארטיילט צווישען זיך די פארשידענע געגענדען פון'ם שטאט אזוי אז אומעטום וועלען מוזען זיין א פאר פון דער עקזעקוטיווע אום צו פיהרען די קאנפערענצען. עס ווערען אויך זוואַרטעט אנגעזעהענע רעדנער.

אין דער פראווינץ וועלען די קאנפע־רענצען פארקומען דעם 14־טען, 17־טען און 18־טען אפריל.

דער הויפט צוועק פון די קאנפערענ־צען וועט זיין ענדליך איינצוזעהען דאס אמעריקאניש־אוקראינישע אידענטהום און עס ארגאניזירען אלס איין שטארקע און גרויסע קערפערשאפט וואס זאל קע־נען מיט ערפאלג אונטערנעמען די גרוי־סע הילפס־ארבייט וואס מוז געטהון ווע־רען אין טאקע באלד געטהון ווערען פאר אונזערע אומגליקליכע פון יענער זייט ים.

א הילפס קאנפערענץ אין פוילען.

עס ווערען שוין געמאכט גרויסע הכנות צו פארופען א הילפס קאנפע־רענץ אין פוילען וועלכע זאל פארטרע־טען די אידען פון'ם גאנצען לאנד. די ארגאניזירונגס קאמיטע האט שוין אבגע־האלטען איר ערשטע זיצונג אויף וועל־כער עס איז באשלאסען געווארען אז אלע שטעט מיט א באפעלקערונג פון איי־בער 3000 נפשות זאלען זיך באטייליגען אין דער קאנפערענץ.

גרויסע האפנונגען ווערען געלעגט אויף דער דאזיגער קאנפערענץ און מען ערווארטעט אז אלע אידישע פארטייען אין פוילען וועלען זיך פאראייניגען אין אן אלגעמיינער אנשטרענגונג צו העל־פען די ליידענדע.

אידען ענדערן זייערע נעמען אין דייטשלאנד.

דער קאנסערוואטיווער דעפוטאט פון דייטשען פארלאמענט האט לעצטענס אויפמערקזאם געמאכט די דייטשע רעגי־רונג אויף'ן פאקט אז פילע אידען ענדע־רען זייערע נעמען און נעמען אן דייטשע. ער האט דאריבער געבעטען די רע־גירונג אנגענעמען מאסרעגלען כדי דאס ניט צו דערלאזען.

א נייע ערקלערונג וועגען די „פרעמדע".

אין „סאניטאר" איז אפגעדרוקט אן ענטפער פון אינער־מיניסטער אויף דעם ערשטען קאמיניקאט פון די אידישע סיים־דעפוטאטען מכח רעגיסטראציע פון די „פרעמדע" דער מיניסטער שרייבט, אז רע־פונקט פון שלום טראקטאט. וועלכע אלע, וואס האבען געוואוינט אויף דער טעריטאריע פון פוילישען מלוכה אין דעם מאמענט, ווען דער שלום טראק־טאט איז אריין אין קראפט, ווערען פאר רעכענט אלס פוילישע בירגער. — באַ־ציהט זיך נור אויף די שטענדיגע (סטא־לע) איינוואוינער, אויף יענע וועלכע די־נען פארשריבען אין די ביכער פון די שטענדיגע באפעלקערונג; יענע, וועלכע זיינען אנגעקומען קיין פוילען פון אנ־דערע טיילען פון דער געוועזענער רוסי־שער מלוכה און איידער ס'איז ענט־שטאנען די פוילישע מלוכה — און זיי האבען נישט דורכגעפיהרט די פאַקמאַ־ליטעטען פון באפרייען זיך פון דער רו־סישער אונטערטאנשאפט און זיינען פעברואר. אזוי ארום וועלען די אידען נישט האבען די מעגליכקייט צו באַטיי־ליגען זיך אין די וואהלען.

עס איז כדאי צו אבמערקען, אז אין כמיעלניק זיינען שוין פארגעקומען איין מאל וואהלען, דעריביי זיינען אויסגע־וועהלט געווארען 20 אידען און 4 קריס־טען יענע וואהלען זיינען אבער בא־טראכט געווארען אלס אונגילטיג.

שקאלניק און גינעסין

שקאלניק פאר סאטיספעקשאן

צו זייערע קאסטומער

גינעסין פאר גאראנטי

א קאמפליט נייער, פרישער סטאק

אונזער לעצטער 4־טער יעהרליכער סייל האט אויספאר־קויפט אונזער גאנצען סטאק, דעם פאקט געבען אפילו צו אלע מ ורדטשענטס, און דעריבער איז אונזער איצטיגער

פסח סטאק

פאלשטענדיג ניי און האט צו זיך קיין גלייכען

סעמיועל א. גינעסין

ניימען סקאלניק

מיר האבען גלייך נאכ'ן סייל אריינבאקומען א ליין פון

מענ'ס און יאנג מענ'ס סוטס

וואו די סטיילס זענען דאס לעצטע ווארט אין ארטיסטיק טיי־לארינג איהר וועט באצייבערט ווערען פון אונזערע ספרינג מאדעלס און פעשאנס, און דערצו טאקע וועלען אייך איבער־ראשען אונזערע מעסיגע פרייזען.

א ריעזיגער אויסוואהל פון

ליידיס און מענס שוהס

אלע סטיילס וואס זענען צוציהענד פאר'ן אויג, געשמאקפול געפיטעד און זעהר מעסיג געפרייזט.

העטס

אין אלע שיידס און קאלירען.

סילק שוירטס

צו פרייזען, וואס איהר וועט אין ערגעץ ניט באקומען. יעדער ארטיקעל איז גאראנטירט.
קומט היינט, לעגט ניט אפ אויף דעם לעצטען טאג.

Scholnik and Ghinasin

HASTINGS COR. WINDER

שוואר'ץ'ס

רוסיש-טערקישע, עלעקטרישע באד

מיט גרויסע מארבעל וואנעס, 2 כשר'ה מקוואות, עלעקטריק קעבינעטס. גוט פאר פארקיהלונג, רומאטיזם, בראנקייטעס און פאר אלע וועלכע ווילען האבען א גוטע בלוט סירקוליישאן. זעהר א שעהנע רעסטינג רום פאר שלאפען נעכט. מיר פאר־רעכטען אויך די בעטען וועכענטליך פאר ריזאנייבל פרייזען. סטריקטלי ריין און גוט בעהאנדלונג.

שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך

נייעס פאר אקלאנד!

א פוירסט קלעס קלינינג, ריפיידינג און טיילארינג שאפ ווי אויך דרעסמייקינג האט זיך געעפענט

— אויף —

759 אקלאנד

ניער וועסטמינסטער, נעקסט צו דער קאאפעראטיווער בעקערי אונטער דעם נאמען

The Sunlight Cleaning and Dyeing Co.

אונזער גוטע ארבייט און מעסיגע פרייזען וועלען איך מאכען פאר אונזער שטענדי־גען קאסטימער.

ראזענפעלד'ס

רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע בעהאנדלונג

30 גרויסע וואנעס — צוויי כשרע מקוואות

שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך. 184־6 ארפרער סט. ביטווין ענטווין און בוביען.



אונזערע ספעשעל מאשינען סייווען ארבייט.

אונזערע איבערגעבילטע מאשינען סייווען געלד.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פראפיט

מיר פארקויפען די בעסטע אין דער ליין פון נעה מאשינען פיר יעדער סטיטשינג אפערייטאן, א חוץ די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעיוזטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייווען פיעל געלד דערביי!

A. C. Payer

119 E. Jefferson — טעלעפאן טשערי 1813

די מאדערנסטע הייל מעטהאדען פאר פליבעוואטע

איז עס מעגליך אז האר זאלוואקסען אויף א פליך?

דאס איז די אייביגע פראגע

אפילו די מאנופעקטשורערס פון די בעסטע אדווערטייזטע היילמיטלען פאר האר וואקסען, זאגען, דאס די ווארצלען פון די האר זיינען טויט, ווען די מיטלען זייע־רע ברייגגען ניט דעם געוואונשטען רעזולטאט. עס איז נאר דא איין מיטעל ווי אזוי צו מאכען אז האר זאלען וואקסען אויף א פליבעוואטען קאפ און דאס איז:

הילט זיך מיט דער נאטור

גרין'ס רעצעפטען וועלכע זיינען געמאכט פון נאטורליכע גראזען און אנדע־רע נאטור־זאכען זיינען אזוי ווירקזאם פאר האר וואקסען ווי די מוטער־נאטור זעלבסט. עטליכע באהאנדלונגען וועלען אייך איבערצייגען ווי גוט עס ווירקט גרין'ס מיטעל פאר פליבעוואטע, פאר די ביי וועלכע די האר פאלט אוים און ווי אויך פאר קאפ שמערצען.

S. Green

דעטראיט מיש. — 769 בוביען סטריט

די לאגע פון די אידען אין גאליציע.

דער „לעמבערגער טאגעבלאט" באקומט זעהר אפט בריעף וואס זיינען פאר צווייפעלטע ווענדונגען פון אומגליקליכע מענשען וועלכע האבען זיך שוין מיאש געווען צו באקומען פון ערגעץ־וואו שטיצע. מיר ברענגען דא געוויסע אויסצוגע וואס אילוסטרירען די שרעקליכע נויט און ליידען וואס די אידען אין די גאליציאנער שטעטלעך טראגען איבער.

„די אידישע בעפעלקערונג אין פאנראווא־ווישניא האט זיך שוין זייט חדשים לאנג באמיהט צו באקומען הילף פון די לעמבערגער, פשעמישלער און קראקא אונטערשטיצונגס־קאמיטעטען, אבער ערהיום אהן ערפאלג.

125 משפחות הונגערן און פריהרען און קיינער האט'ס נישט ווענען זיי. אנומלט האבען די סאנדאווא ווישניא'ער לאנדסלייט, וואס וואוינען אין אמעריקע, צוגעשיקט פאר זייערע ארימע ברידער 11.000 מארק, אבער אנשטאט דאס געלד צו פארטיילען צווישען די נויטבאדערפטיגע האבען די היימישע פארזארגערס פארטיילט מיינסטענס צווישען די כלי קודש (דעם רב אליין האט מען געגעבען 1600 מארק) און קוים 1500 מארק געגעבען פאר דער קינדערקער, ס'פארשטייט זיך אז אזא סומע איז ביי אזא גרויסען עלענד ווי א טראפען אין א טיעפען ים און ס'איז באמת נישט צו פארשטעהן, פאר וואס גראד אין דעם קליינעם ארימען שטעטעל האבען די געוויסע רעטונגס־קאמיטעטען פארגעסען.

א בריעף פון צער און יאוש איז אונז צוגעשיקט געווארען פון טארנאפאל, דער לייטער פון דער קאמיטעט פאר די פארוואלאטשיסקער היימלאזע, ה' אדאלף װאורצעל שילדערט אונז אין אן אפיל די גאנצע ליידענס געשיכטע פון די פארוואלאטשיסקער אידען, זייער אנטלויפען פון דער היים און דאס יאהרען לאנגע ארומבלאנדזשען אין סיביריען, זייער לאנגע וואנדערונג איבער רוסלאנד ביז אהיים און זייער לעצטע און טרויעריגסטע עטאפ: דאס צרות און עלענד פולע לעבען אדער — בעסער געזאגט — דאס מוטשען זיך אין דער דערפרעמד אין רחקות און שרעקליכער נויט.

ה' וואורצער האט גרויס תרעומות צו די הילף קאמיטעטען, וואס קימערן זיך בכלל נישט וועגען דעם גורל פון פארוואלאטשיסקער היימלאזע און קומען זיי אפ מיט א שפאט סומע פון עטליכע טויזענד קראנען א חודש, ווי נור בבדי יוצא צו זיין. ער ווייזט אן אויף דער פשוט'ן ציגיינער לעבען, וועלכעם זיי פיהרען און ענדיגט זיין וועהגעשריי מיט די ווערטער:

„טרויעריג, שרעקליך טרויעריג איז דאס בילד, וואס מיין פינזעל האט פאר אייך געמאהלען, אבער טויזענד מאל טרויעריגער איז דער אמת, קוקט זיך צו צו דעם בילד און ווילט איר נישט אדער קאנט איר נישט העלפען אונז, טא גיט א זיפץ באטש מיט אייער ברידער הארץ און זאגט „נעביך", וועט אונז באטש לייכטער זיין צו דערטראגען אונזער אומגליק, ביז דער טיפוס און אנדערע פלאג'ען וועלען מאכען א סוף צו אונזערע וועהטאגען, צוברעכענע הערצער.."

מיר האבען גארנישט וואס מוסיף צו זיין דאס עלענד שרייט אזוי, אז אפילו טויבע קענען דאס דערהערען.

און נאך אן די אומגליקליכע זאל מען האבען פארגעסען ? !...

דאס פוילישע פאסט מיניסטעריום וועגען פוילישע אידישע בריעף

דאס פאסט מיניסטעריום האט אויף אן אנפראגע געענטפערט, אז אלע בריעף וועלכע זיינען אדרעסירט פון פוילען קיין אויסלאנד. ווערען אבגעשיקט קיין ווארשא, וואו זיי ווערען צענזורירט און דאן אבגעשיקט אויף די באשטימטע ערטער. פאר בריעף מיט העברעאישע אותיות איז פאראן א ספעציעלע צענזור אבטיילונג.

(פון דער תשובה פון פאסט־מיניסטעריום איז אלזא צו זעהן, אז קיין פארבאט אויף אידישע בריעף אינ'ם פאסט פארקער צווישען פוילען און אויסלאנד איז נישט פאראן, נאך פונדעסטוועגען ראטה די פאסט אז כדי צו זיין זיכער אז די בריעף זאלען אנקומען אויף די באשטימטע ערטער — איז געוואונשען אז די קארעספאנדענץ זאל געשריבען ווערען אין דער פוילישער אדער דייטשער שפראך.

דעלעגאטען פון רוסישען ידענטום אין ווארשאו.

נעכטען איז אנגעקומען קיין ווארשא אויף זיין רייזע קיין פאריז און לאנדאן דער דעלעגאט פונ'ם אלרוסישען ועד הקהלות, ה' עפרויקין, די איבעריגע צוויי דעלעגאטען — רובינשטיין (ציוניסט) און סליאזבערג, ווערען ערווארטעט אין פארלויף פון עטליכע טעג.

די בעסטע מתנה

גבריאל — זאג מיר פריינד, וואס פאר א מתנה זאל איך שיקען צו מיין כלה אז זי זאל זיין צופריעדען?

עזריאל — שיק איהר אפ די תנאים.

ניט קיין פעקעדזש נאר א שפייז דרעפט

פון דער אמעריקאנער סטייט בענק, דעטראיט צו דער האוווער אדמיניסטראציע וועהר הויז אין פוילען, עסטרייך, אונגארן, דייטשלאנד און טשעכאסלאוואקיע. קיינע עקסטרא טשארדזשעס. בלויז 10 דאלאר פאר דיא שפייז וואס געפינט זיך איצט אין וועהרהויז פון די אויסגערעכענטע לענדער. אידען קריגען אנשטאט בייקאן מאזאלא אדער אן אנדער פעטס וואס איז פארעווע. ועהט זיך מיט מר. עלען אין דער


ORIGINAL NOT TRANSFERABLE – GOOD ONLY IF PRESENTED WITHIN 90 DAYS FROM DATE OF ISSUE

FOOD DRAFT

No. 0000

ADMINISTERED BY AND FOR THE PROFIT OF THE EUROPEAN CHILDREN'S FUND

To American Relief Administration Warehouse at Warsaw, Poland Date March. 17-1920

Please deliver on presentation to Mary Polkowski.

Or his properly constituted representative One Packages

Designated as letter A Hereon, being the equivalent of $ 10#

IN CASE OF EMERGENCY WE RESERVE THE RIGHT TO SUBSTITUTE COMMODITIES OF EQUAL FOOD VALUE

A	B	C	D
24½ lbs. Flour 10 lbs. Beans 8 lbs. Bacon 8 cans Milk	140 lbs. Flour 50 lbs. Beans 16 lbs. Bacon 15 lbs. Lard 12 lbs. Corned Beef 48 cans Milk	24½ lbs. Flour 10 lbs. Beans 7½ lbs. Cottonseed Oil 12 cans Milk	140 lbs. Flour 50 lbs. Beans 45 lbs. Cottonseed Oil 48 cans Milk
$10	$50	$10	$50

American Relief Administration

Herbert Hoover

THE AMERICAN STATE BANK OF DETROIT

DETROIT, MICH., U. S. A.

The Gift of John Polkowski

Address Detroit. Mich Signature Fred W. Allen

THE COST OF THIS FOOD DRAFT AS SHOWN ABOVE COVERS ALL EXPENSE TO PURCHASER INCLUDING ANY BANKING CHARGES

AMERICAN STATE BANK

115 GRISWOLD ST.
DETROIT, MICH.

אונזער מאטא:
צו וואס צאלען טייערער, ווען מ'קריגט ביליגער.

ארענטליכע באהאנדלונג

מיר גאראנטירען יעדען ארטיקעל אין זיין פולען ווערט.

אלעס קריגט איהר ביי אונז

דימאנטען

פון 25 ביז 2000 דאלאר

פערל

ביליגע, מיטעלמעסיגע און טייערע

זייגערס

פאר מענער און פרויען, נאדענע און נאלדגעפילטע

רינגען

פאר מענער און פרויען, גאלדענע, סיגנעט יאפאנעזישע, אויך מיט אלערליי שטיינער

סעטינגלאך

פאר ליידים, לעצטע סטיילס, ווייסע, גרינע, געלע און פלאטענע

קייטעלאך

גאלדענע, 14 קערעט, אלע סטיילס.

The Boston Wholesale Jewelers

169 Griswold St.

3-טער פלאר, נעהמט דעם עלעווייטאר.

מיר פארקויפען ריטייל צו האלסייל פרייזען.

געלד צוריק אויב ניט צופרידען

פרובט נעהן פריהער ערגעץ אנדערש און דערנאך קומט צו אונז

מיר גאראנטירען א פערפעקט אויף יעדען גארמענט

העכסטע קוואליטיס, לייטעסט פעשאנס, מעסיגסטע פרייזען

דער שעהנסטער אויסוואהל

מענס און יונג מענס ספרינג סוטס און טאפ קאוטס

וועט איר טרעפען דיזען סעזאן ביי

האלפערן און וויענער

556 הייסטינגס סטריט קאר. וואטסאן.

די שעהנסטע ליין פון

באיעס סוטס

וואס וועלען אייך שטארק געפעלען און צופרידענשטעלען אייער פאקעט.

א פראכטפולע ליין פון סילק, קרעפדעשין און

מענהעטען שוירטס

איהר קריגט ביי אונז א פולע ליין פון

בוירזאס העטס

אין אלע שייפס, קאלירען און סטיילס.

לכבוד פסח האבען מיר צוגעגרייט א פראכטפולען גרויסען סטאק פון

מענס קלאדינג

די בעסטע מייק און די נייעסטע מאדעלס. ארטיסטישע פעטערנס, געסטרייפטע און פענסי וואורסטעדס און צעהנדליגע קאלירען, דאבל און סינגל ברעסטעד, היי ווייסטעד עפעקטס מיט 2-1 אדער 3 באטאנס און וואס פאר א געשמאק איר זאלט ניטהאבען קענט איהר געפינען א סוט אין אונזער גרויסען סעלעקשאן אדער א טאפ קאוט נאך אייער וואונש

אונזער וואארע איז גאראנטירט צו יעדער צייט.

ווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווען דער ראש איז צו גרויס, קומט היינט און גיט אונז א געלעגענהייט צו געבען בעסערע סוירווים. אכטונגספול

HALPERIN & WIENER

High Grade Clothing, Hats & Mens' Furnishings

Hastings Cor. Watson

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען, אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפאריייטעד
…ט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

פרייטאג, 26טען מארטש 1920

אן אלטער תירוץ פון א דעטראיט׳ער יונגער פרוי

פון ב. י. ג—ן

„איך האב געליעבט און געגלויבט".

דאס איז דער געוועהנליכער תירוץ, וואס א פרוי גיט אויף דער פראגע וואָרום זי איז, אדער האט זיך געלאזט פון גלייבען וועג אראפפיהרען.

אלע מאל האט מען דעם תירוץ אנגענומען פאר א רעכטפערטיגונג. אלע מאל האט מען אויף דער פרוי געקוקט מיט רחמנות און מ׳האט זי באטראכט פאר א „נעביכ׳ל" וועמען מען קען אפנארען, פארפיהרען.

ווי עס וויזט אבער איז האלט דער דאזיגער גוטער, אדער שלעכטער תירוץ ביים פארשוואונדען ווערען.

„איך האב געליעבט און געגלויבט", וועט באלד קיין תירוץ ניט זיין. דער פראקטישער ריכטער אין קאורט, מעג ער ווי ארייננעהן אין דער לאגע פון דער אפגענארטער פרוי, קוקט עס ביי איהם אויס לעכערליך, ווען א קלוגע אינטעליגענטע פרוי, קומט זיך קלאגען אויף א מאן, וואס איז אפשר נארישער פון איהר, און אומוויסענד, אז ער האט זי אפגענארט, איבערגעקליגט, ווי מען זאגט.

מיס מערי ראולין האט פארקלאגט מר. עראן ב. פרעיד, אויף א גרויסער סומע געלד.

אין קאורט האט די מיס מערי ראולין דערצעהלט, אז זי איז צוויי יאהר ארומגעגאנגען מיט פרעיד׳ען, זי האט איהם געליעבט און ער האט מיט איהר תמיד גערעדט פון זייער צוקינפטיגען, גליקליכען פאמיליען לעבען וואס זיי וועלען פיהרען. ער פלעגט איהר קויפען מתנות. פלעגט זי „טריטען", פלעגט איהר זאגאר קליידער מאכען און קויפען, מיט איין ווארט: ער האט זיך געפיהרט מיט איהר גלייך ווי זי וואלט שוין זיין פרוי געווען

ניט לאנג צוריק האט אבער פרעיד חרטה געקראגען און האט זיך אנגעהויבען צו שדכנ׳ען צו אן אנדערער, ניט קוקענדיג דערויף וואס זי (מיס ראולין) האט איהם פארטרויעט א סוד, אז זי איז שוואנגער פון איהם.

ער האט זיך אויסגעלאכט פון איהר און ניט געוואלט ענטפערען אויף איהרע רייד און אויף איהרע בריעף.

אין קאורט האט זיך ארויסגעשטעלט, אז עראן ב. פרעיד איז ווייט נישט קיין חכם. איז א פראסטער בחור, איז ניט נאר ניט אינטעליגענט, נאר אומוויסענד און גראב. ער איז אן אריבערגעקומענער און רעדט זעהר שלעכט ענגליש, קען זעהר ווייניג לייענען און נאך ווייניגער שרייבען.

דאגעגען וויעדער איז די מיס מערי ראולין אן אינטעליגענטע פרוי, געבוירען אין ניו הייווען, האט געענדיגט פאבליק סקוהל און נאכדעם א ביזנעס קאלעדזש. זי איז באלעזן, קלוג. און פון איהרע ענטפערס וואס זי האט אין קאורט געגעבען איז צו זעהן, אז זי איז א פרוי וואס לאזט זיך נישט פארריידען.

דער דזשאַדזש האט באטראכט דאס פאארל און האט א לייכטען שמייכעל געטאן.

„עס קלינגט מיר מאדנע קאמיש — האט דער ריכטער געזאגט צו מיס ראולין — הערענדיג ווי איהר זאגט, אז אט דער אומוויסענדער קערל האט אייך אפגענארט. וואָרום האט איהר, אלס קלוגע אינטעליגענטע פרוי זיך געלאזט אפנארען פון אט דעם גראבען, אומגעהובעלטען חברה מאן?"

און מיס ראולין האט געענטפערט דערויף דעם אלטען, גוט באקאנטען תירוץ: — „איך האב געליעבט און געגלויבט".

עס האט דעם ריכטער פארדראסען דער פויגער ענטפער.

— אזא תשובה — האט ער געזאגט — פאסט זיך פאר נארישע ווייבער. די ליעבע איז בלינד, דאס איז אמת, אבער א מענש דארף דאך בלינד נישט זיין! וואס האט איהר דערזעהן אט אויף דעם בחור וואס איהר זענט נאר מיט דעם ליעבעס-פלאם ארומגעכאפט געווארען? דעם ערשטען מאל ווען איהר האט איהם דערזעהן, האט איהר דאך איהם נאך ניט געגלויבט און נישט געליעבט, קא וואס פאר א חכמות האט ער געקענט אייך צייגען, וואס איהר האט זיך אין איהם פארליעבט, אז איהר זענט אזוי בלינד געווארען? איהר זענט דאך א מיידעל מיט אלע מעלות: שעהן, קלוג, אינטעליגענט און איהר פארדיענט אויף א לעבען צו מאכען אייך. ער וויעדער איז אין אלע הינזיכטען דער היפוך פון אייך, ווי אזוי׳שע האט איהר זיך פלוצים אין איהם אזוי שטארק פארליעבט?

מיס ראולין האט ניט פארשוויגען. זי האט זיך געפרובט דרעהען, זי האט געזוכט תירוצים, אבער צום סוף האט זי דאך נישט איבערצייגט דעם ריכטער אז געריכט איז זי.

— ווען אזא פרוי, ווי איהר, ווערט אפגענארט פון אזא איגנאראנט, דארף זי דאס פאר ליעב אננעהמען. זי דארף זיך נאר שעהמען איהר קלאגע אין געריכט צו ברענגען. עס דארף פאר איהר א לעסאן זיין און פארזאגען דארף זי א צעהנטען, אז א פרוי דארף תמיד שטרעבען א העכערען פון זיך צו געפעלען און נישט קיין איגנאראנט.

אזוי האט דער ריכטער איהר גע׳מוסר׳ט, כאטש צו ענדע האט ער דאך גע׳פסק׳ענט אז דער אנגעקלאגטער איז פאראנטווארטליך פאר׳ן קינד, עס דארף אויף זיין חשבון אויסגעהאלטען ווערען און אזוי לאנג ווי די מוטער וועט געבען דעם קינד מילך וועט זיין, ביז דעמאלט איז פרעיד מחויב צו סופארטען זי.

וויכטיג זיינען אבער דעם דזשאדזש׳ס באמערקונגען. עס וואלט זעהר וויינשענסווערטה געווען אז דעם דזשאדזש׳ס רייד צו דער מיס ראולין זאלען אפגעדרוקט ווערען און צעטיילט ווערען צו די יונגע מיידלעך וואס מיינען אז ביז איצט גילט נאך דער נארישער תירוץ פון — „איך האב געליעבט און געגלויבט".

טאקע א גוט מיטעל

דער העכסטע עליעסיראט האט באשלאסען, אז דאס ערשטע מיטעל געגען די דייטשע רויטע איז — צו אקופירען עססען.

דאט׳ס רייט! אז די רויטע וועלען בלייבען אהן עסען וועלען זיי זיך מוזען אונטערגעבען, און דערווייל וועלען מיר דא האבען מעהר צו עסען...

* * *

אט דאס איז רעפארם!

א קאליפארניער רבה האט חתונה געהאט מיט דער אלמנה פון א רעפארם-ראבאי.

אט דאס הייסט אמת׳ע רעפארם! נו, הערן רעפארם-ראבינער, איהר האט איצט א גוטע געלעגענהייט זיך אויסצוצייכענען אויפ׳ן בעסטען אופן...

פע! עזעל!

פרינץ פייזעל איז געווארען זעהר חוצפה׳דיג און וויל דוקא ארץ ישראל אלס טייל פון סיריען אדער אראביען.

דאס איינציגע, וואס מיר קענען איהם זאגען איז —

פע עזעל!...

* * *

אז מ׳עט עס דערלעבען..

פון וואשינגטאן טיילט מען מיט, אז אינגיכען וועט איינגעפיהרט ווערען א שטענדיגער לופט-שיף פארקעהר צווישען ניו יארק און סאן פראנציסקא.

אז זיי וועלען פארבייפליהען דעטראיט, וועלען מיר זיך אויך ארויפכאפען.

לענדלארדס אויפמערקזאם!

מיר האבען קאסטאמערס מיט 150$ און 400$ איינצוצאלען פאר א ליעס אויף 6, 7 אדער 8 רומס, וועלען צאלען גוטע רענט. איהר קאנט מאכען געלד. פרעגט: העריס און לואיס

העריס און לואיס

481 אנטוויין סטריט

טעל. טשערי 8054

אינטעליגענטען

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

(פארזעצונג)

— לאמיר מעהר ניט רעדען וועגען דעם! — האט אניוטא א זאג געגעבען — איך האב איהם שוין לאנג פערגעסען.

— איך וועל איהם קיין מאל ניט פערגעסען, איך וועל איהם תמיד דערמאהנען מיט שוים אויף די ליפען. איך האף אבער אז אנטאשא׳ אין לעבען וועט מיך נאך דער שיקזאל צוזאמטרעפען מיט איהם און דאן וועל איך איהם אפדאנקען פאר אלעם — האט מישא א זאג געגעבען.

— ער איז דאך אבער אייער פאטער!

— האט אניוטא וויטער גערעדט.

— איך וויל איהם ניט קענען, ער איז מיר ניט אנשטענדיג פאר א פאטער ער איז ניט מעהר ווי א חיה — האט ער געענטפערט.

— זאל זיין גענוג, טייערער! — האט אניוטא א זאג געגעבען — איך וויל ניט אז מלכה׳לע זאל דאס וויסען, זאל דאס שוין בלייבען צווישען אונז.

— ניין, איך האב איהר דערצעהלט אלעס וואס איך האב פון פריהער גע־וואוסט וועגען איהם און איך קען איהר אין אט ריעזע האנדלונג זיינע איבערגעבען, איך בעהאלט פון איהר קיין זאך ניט.

— ליבא איז יערענפאלס מיין שוועסטער, פון איהר ענטזאג איך זיך ניט! — האט מישא צוגעלעגט בעת ער האט שוין געהאלטען אין פערלאזען איהר צימער

— ליבא וואקסט זעהר א גוט קינד.

— דאס קען מען נאך ניט וויסען — האט אניוטא גערעדט — איך וועל יעדענפאלס פרובירען זי ערציהען ווי אם בעסטען.

— יא, ערציהען האט זעהר פיעל צו זאגען! — האט מישא צוגעשטימט.

פון יענעם אבענד זענען מישא און אניוטא געווען זעהר פריינדליך איינער צום צווייטען, עס האט אימער אויסגעזעהן ווי ער, מישא וואלט זיך דאך געפיהלט א שולדיגער פאר זיין טאטענס זינד.

קאפיטעל כ״ז

דער טאג פון גערעכטיגקייט.

בעלל האט זיך נאך א שטיק צייט אומגעדרעהט אין פילאדעלפיא, אבער ער איז געוועזען זעהר אונרוהיג.

צו דער גרעפין איז ער מעהר ניט אריינגעקומען, די סטודיא איז איהם צו־געגעסען געווארען און ער איז כסדר אומגעגאנגען און האט געטראכט וועגען אניוטאן.

— וואס איז געווען איהר ענדע? — האט עס איהם ניט געגעבען קיין רוהע.

— וואו איז זי אהינגעקומען?

א לאנגע צייט האט ער וועגען קיין אנדער זאך ניט געטראכט. מיט איין מאל איז געקומען אן אנדער געדאנק, וועלכער האט איהם געמאטערט נאך פיעל מעהר ווי וועגען אניוטאן.

— וואו זענען מיין פרוי און קינדער?

— איז ער איין מאל געבליבען זיצען פערטראכט — מיט אניוטאן האב איך מעהר ניט ווי עטליכע וואכען פארבראכט אבער מיט מאשאן און די קינדער, האב איך דאך מעהר ווי גאנצע צעהן יאהר אפגעלעבט! — און דער געוויסען האט פון הארצען צו איהם ארויסגעשריען:

— בעלל דו ביזט א פאדליעץ! דו האסט אזוי פיעל מענשען אומגליקליך געמאכט! בעלל וואס וועט זיין פון דיר?

און ביי איהם איז קלאהר געווארען אז ער מוז דאך צוריקפאהרען און ווי אויס־

געפינען און אויב מעגליך זיך באזעצען מיט זיי אינאיינעם און ווי ווייט מעגליך ניט מאכען זיינע פארברעכענס. דער דאזיגער געדאנק האט גענומען די אויבערמאכט און האט אנגעהויבען צו צופרעסען זיין מח.

— איך האב געזינדיגט, שרעקליך געזינדיגט — האט ער צו זיך אליין גערעדט, מיט אמאל איז זיין בליק געפאלען אין שפיגעל און ער האט זיך פאר זיין אייגענעם שאטען דערשראקען.

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ׳ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה ניט צו זאגען „סינסינעטי מצה". נאר אויסדריקליך פאדערען

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ׳ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת׳ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח׳דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

ניו-יארק אפיס: 1 יוניאן סקווער

די ב. מאנישעוויטץ קא. סינסינעטי, אהייא

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
etroit Office 255 Napoleon St

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

לעאנארד וואוד

איז א קאנדידאט פאר אייער שטימע

ביי די

פריימעריס, אפריל דעם 5טען

אויף דעם רעפובליקאנער באלאט

ער איז א

מעכטיגער אדמיניסטראטאר

ווייל ער איז מענשליך און גערעכטיג. ער איז דער אלל אמעריקאנער פאר דעם אל אמעריקאנער זשאב פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא.

דיזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט פון דער לעאנארד וואוד ליעג פון מישיגאן. פ. מ. אלגער פר-עז. וו. ס. פייפער וו. פרעז. ס. א. ווייזנער, סעק. און טרעאזש.

The only
Jewish Paper
Printed in
Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע
אידישע צייטונג
געדרוקט אין
מישיגאן סטייט

Published Daily by
DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 779 authorozed by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President. A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Sunday, March 28th 1920 Vol. 2, No 39 זונטאג, מארטש 28-טער, 1920

Public Library 42nd and 5th Ave.

סאוועטען ארמיי נעהמט צו ווילנא פון פאליאקען

נאוואראסייסק, דעניקינ'ס לעצטער מי־ליטער־פונקט, פארכאפט פון סאוועטען

באלשעוויקעס אטאקירען פויל'ישען פראנט אויף 250 מייל. נעהמען פיעל שטעט ארום טייך סלוטש. ביטערער שלאכט געהט אן לעבען זאסאוועל. — רעוואלוציאנערע אויפשטאנדען הינטער דע ניקינ'ס ליניע.

בערלין הערט פוילע'ס רעגירונג איבערגעפיהרט אין בראמבערג

לאנדאן, מארטש 27. — א דראטלאזע טעלעגראמע פון מאסקווע, מעלדעט, דאס די באלשעוויקעס האבען פארכאפט נאוואראסייסק, די לעצטע מיליטערישע סטאנציע אין דרום רוסלאנד, וואס האט זיך געפונען אין דעניקינס הענט. ווילנא ווערט באריכטעט, איז גענומען געווארען.

פאריז, מארטש 27. — באריכטען פון קאנסטאנטינאפאל מעלדען, דאס די סאוועטען ארמיי האט פארנומען פערעקאפ, און אז רעוואלוציאנערע אויפשטאנדען זענען אויסגעבראכען אין פיעל פלעצער, הינטער דעניקינס פראנט.

ווארשא, מארטש 27. — אין דעם אפיציעלען באריכט ווערט צוגעגעבען, אז די רוסישע סאוועטען ארמיי, וועלכע אטאקירט איצט דעם פוילישען פראנט אויף 250 מייל, צווישען מאזיר און פינסק, האט פארנומען איינגע שטעדט ארום דעם טייך סלוטש.

די באלשעוויסטישע אטאקע איז געווען געריכטעט הויפטזעכליך געגען אלעווסק, אין דעם מיטעל פונקט צווישען ראוונא און מאזיר. די סאוועטען הויפט־שיפען האבען באמבארדירט פיערע פלעצער פון דיעזען פראנט.

אין דער שכנות פון זאסלאוועל, האט די פוילישע ארמיי פארניכטעט א סאוועטען בריגאדע, ווערט ווייטער אין באריכט פון דער פוילישער הויפט קווארטיר געזאגט. צווישען די דערהרג'עטע האט זיך געפונען א פאלקאווניק, ביי וועמען מ'האט געפונען א באפעהל, וואו עס ווערט געזאגט אז זאסלאוועל מוז גענומען ווערען אום יעדען פרייז. די שטאט געפינט זיך נאך אלץ אין פוילישע הענט אבער א ווילדער שלאכט קומט פאר ...

פאריז, מארטש 27. — מילעראנד, דער פראנצויזישער פרעמיער האט אין פארלויף פון זיינע א רעדע געזאגט, דאס פראנקרייך איז גרייט צו האנדלען מיט רוסלאנד, אבער אריינטרעטענדיג אין קאמערציעלע און אינדוסטריעלע באציהונגען מיט רוסלאנד, מיינט נאך ניט, דאס אונטערהאנדלונגען וועלען געפיהרט ווערען מיט דער סאוועטען רעגירונג.

דערביי האט ער באמערקט פאלגענדעס: „די אליאירטע קענען אנערקענען די רוסישע רעגירונג נאר דאן, ווען דיעזע רעגירונג וועט אנערקענען נאציאנאלע אונאפהענגיקייט אין טאט, ווי אין ווערטער".

אידען האבען ניט געהרג'עט דעם געוועזענעם צאר

לאנדאן, מארטש 27 — די היגע „טיימס" האט פארעפענטליכט א סטייטמענט פון סטארינקעוויטש, א געוועזענער מיניסטער אין קאלטשאק'ס אמסק'ער רעגירונג, דאס דאקומענטען באווייזען אז אידען האבען ניט גענומען קיין אנטייל אין דער ערמארדונג פון געוועזענעם רוסישען צאר, ניקאלאי דעם 2־טען

סאציאליסטישער אסעמבלי־מאן ארעסטירט אין פארזאמלונג צוטריבען אין פילאדעלפיע.

פילאדעלפיא, מארטש 27. — טש. באלאמאן, דער אויסגעשלאסענער אסעמבלימאן פון נויארקער לעדזשיסלייטשור איז געבטען ארעסטירט געווארען, ווען ...

...

דער באקאנטער אידישער און ענגלישער פאעט, מר. פ. מ. ראסקין, וועט היינט אדרעסירען א מאסען־פארזאמלונג אין די האנא שלאס, קאר. הייסטינגס און האי סטריטס.

די פארזאמלונג וועט זיך אנפאנגען פונקט אכט אזייגער.

מר. ראסקין געפינט זיך אין דעטראיט פאר די לעצטע עטליכע וואכען. ער איז אהער געקומען אין די אינטערעסען פון דער ציון קאמאנוועלטה. היינט איז די לעצטע געלעגענהייט צו הערען דיעזען פאעט ריידען, ווייל ער פאהרט מארגען אפ.

בוקארעסט, מארטש 27. — רומעניע פיהלט מעהר ניט די נויטווענדיגקייט פון א גרויסער ארמיי און הארום וועט פון 1טען אפריל אן זיך אנפאנגען די דעמאביליזאציע. די רעגיערונג רעכענט, אז די געפאהר, וואס איהר איז געדראהעט געווארען פון די באלשעוויקעס, איז פאריבער. דארום קען זי באפרייען פיעל סאלדאטען פון איהר ארמיי, וועלכע זאל זיך קענען פארנעהמען מיט דער ארבייט אויף די פעלדער.

אויף דעטראיטער גאסען

קרבנות פון קארס און אויטאמאבילס

רייכאנד עימס, 26 יאהר אלט פון 66 רעזוועלט עוועניו, האלט ביים שטארבען אלס רעזולטאט פון א קאר עקסידענט.

עימס האט זיך פרייטאג אווענט געשפארט אין א צוזאמענשטויס וואו־וואוד קאר אויף פארעסט עוו., און ווען ער איז פון דעם קראוד־אוועקגעשטופט געווארען א שטופ אויף צוריק ווען די קאר האט שוין געהאלטען אין לויפען, און זיין לינקער פוס איז אריינגעכאפט געווארען אונטער די רעדער.

ווען דיעזע צייל‌ען ווערען געשריבען ליעגט ער אין גרייס האספיטאל און זיינע מינוטען זיינען געצעהלטע.

לומאן קלאקסטאן, א פאסט־מאן, 44 יאהר אלט, איז פרייטאג אווענט געשטארבען אין רעסיווינג האספיטאל, אלס רעזולטאט פון א קאר עקסידענט אויף האמילטאן בולווארד.

וויקטאר קאיעס, אן אנגעשטעלטער פון דער מיוניציפאליטעט אין גראס פאינט ווילעדזש, איז פרייטאג געשטארבען פון די וואונדען, וואס ער האט געליטען, ווען זיין מאטאר סייקעל אויף וועלכען ער איז געפאהרען אויף דזשעפערסאן עוו., איז געקומען אין א צוזאמענשטויס מיט אן אויטאמאביל, געטריבען פון א 15 יאהריג מיידעל מיטן נאמען רוטה קאל.

א 7 יאהריג אינגעל מיט'ן נאמען פאול דעפיין, איז לעצטען פרייטאג, ווען ער האט געשפיעלט באל נעבען זיין היים, 693 בעלוויידער עוו., איבערגעפאהרען געווארען פון א אויטאמאביל, ער איז יעצט אין סט. מעריס האספיטאל, מיט א צובראכענעם שארבען און זיינע מינוטען פון לעבען זיינען — לויט דאקטוירים — געצעהלטע.

צוויי אויטאמאבילס זיינען פרייטאג אווענט געקומען צו א צוזאמענשטויס אויף ארטילערי עוו., און דער רעזולטאט איז געווען אז איינע א מרס. מערי סמיטה, 21 יאהר אלט, וועלכע איז געפאהרען מיט איהר מאן אין איינעם פון די צוזאמענגעשטויסענע אויטאמאבילס, איז שטארק פארוואונדעט געווארען.

מרס. ר. פאקס, 50 יאהר אלט, פון 149 פוטנאם עוו., איז פרייטאג צוגענומען געווארען א היים א שטארק צוקאליעמישטע, נאך א קאר עקסידענט אויף פוטנאם און וואודוואוד עוועניוס.

א קראסטאון קאר איז לעצטען פרייטאג געקומען צו א זאמענשטויס מיט א נארטה־באנד האמילטאן קאר אויף וואררען און גרינוואוד עוועניוס און דער רעזולטאט איז געווען אז צוויי פאסאזשירען זיינען שטארק פארוואונדעט געווארען. די נעמען פון די צוויי פארוואונדעטע זיינען: האמינג באימא, 30 יאהר אלט און הענרי א. דייווים, 40 יאהר אלט.

ש. ניגער רעדט היינט אין לייבאר לי סעאום

ש. ניגער רעדט היינט.

די היגע אידען האבען היינט א געלעגענהייט צו הערען דעם בארימטען אידישען ליטעראטור קריטיקער, ש. ניגער ...

נייער דייטשער קאבינעט פארמירט פון סאציאליסט הערמאן מיולער

בערלין, מארטש 27. — ס'איז באקאנט געווארען, דאס דער נייער מיניסטעריען קאבינעט איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון הערמאן מיללער, וועלכער וועט זיין קאנצלער און אויסערן־מיניסטער. דער ארבייטער מיניסטער איז הער שליקע, א סאציאליסט, און דער מיניסטער פון עקאנאמיק איז אויך א סאציאליסט, הער שמידט.

האג, מארטש 27. — די רויטע ארמיי אין רוהר־געגענד באשטעהט פון 60 טויזענט פערזאן. די פיהרער פון דיעזער ארמיי האבען ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע, דאס דער קריעג וועט אנגעפיהרט ווערען, ביז סאוועטען וועלען זיך איינגעפיהרט אין רוהר־דיסטריקט.

וואשינגטאן, מארטש 27. — די אמעריקאנישע רעגירונג איז היינט אינפארמירט געווארען, דאס די אליירטע וועלען ...

ניט זיין געגען דעם שיקען פון דייטשע סאלדאטען אין דעם רוהר־געגענד, וואו די ספארטאקאנער האבען די מאכט אין פיעלע פלעצער פון דיעזען דיסטריקט פארכאפט. עבערטס סאלדאטען וועלען מוזען אבער זיך ארויסציהען פון דיעזען געגענד אזוי גיך, ווי ארדנונג וועט איינגעשטעלט ווערען דארטען.

בערלין, מארטש 27 — די „לאקאלע אנצייגער" שרייבט היינט, דאס די אליירטע רעגירונגען האבען באשלאסען צו ערלויבען דייטשלאנד אריינצושיקען 100 טויזענד סאלדאטען אין דעם קוילען געגענד פון'ם רוהר טאל, און אויב דיעזע צאהל וועט ניט זיין קיין גענוגענדע איינצושטעלען דארטען ארדנונג, וועלען די אליירטע שיקען 80,000 איינענע סאלדאטען, וועלכע וועלען באשטעהן פון פראנצויזען, ענגלענדער און בעלגיער.

וואָרענט גענעראל סטרייק פון שניידער אין דעטראיט

מר. וויליאם ניומאן, דער ביזנעס אידזשענט פון דער היגער שניידער יוניאן, האט געבטען ארויסגעגעבען א סטייטמענט, אז אין פאל די קאסטאם שניידער בעלי בתים וועלען ניט נאכגעבען די פאדערונג פון דער דזשורני־מען טיילארס יוניאן, וואס איז נעמליך, א מיניסום וועיזש פון 90 סענט א שטונדע, וועלען אלע ערשט קלאסיגע שניידער פון דעטראיט ארויסגעשיקט ווערען אין אנדערע שטעדט, וואו מען צאהלט גוטע וועידזשעס.

די דאזיגע ווארנונג האט פונדעסטוועגען ניט אפגעשראקען דעם טשערמאן פון דער מירטשענט טיילארס אסאסיאיישאן, מר. א. דעמאס. ער האט ערקלעהרט:

„זאלען זיי פאהרען; זיי וועלען באלד קומען צוריק. ניו יארק און פיטסבורג זיינען פארטיג צו שיקען א גרויסע צאהל שניידער אהער, וועלכע וועלען זיין וויליג צו ארבייטען פאר די וועידזשעס וואס מיר זאגען וועלען צו צאהלען. מיר וועלען קעמפפען געגען דיעזער פאדערונג, אפילו ווען עס זאל אונז אויסקומען פארליערען א סיזאן".

דערוייל געהט יעצט אין שטאדט אן א סטרייק פון ארום 200 שניידער. די סטרייקער האבען נעבטען אפגעהאלטען א באגייסטערטען מיטינג אין בריקלייערס האל און האבען געמאכט אלע ארראנדזשמענטס צו פיקעטען די שעפער.

דינסטאג וועט אפגעהאלטען ווערען א גענעראל פארזאמלונג פון אלע שניידער אין דעטראיט אין'ם מעטאל פאלישערס האל, 48 קאלאמביא סטריט וועסט, וואו עס וועט גענומען ווערען צום אפשטימונג וועגען א גענעראל סטרייק פאר אלע שניידער.

מר. ניומאן זאגט, אז אין פאל עס ווערט ערקלעהרט א דזשענעראל סטרייק וועלען ארום 1.000 שניידער פארלאזען די שעפער.

א ראמאן וואס האט זיך אנגעפאנגען אין א רעסטאראן קיך און זיך געענדיגט אין פאליס־קאורט

דוד לייפציגער פארנעהמט זיך מיט וואשען טעפלאך אין וואו זאנדיס'ס רעסטאראן.

און סאפיע קלענדאווסקי גיט זיך אפ מיט שיילען קארטאפליעס אויף אין דעם זעלבען רעסטאראן.

איינמאל אזוי זיך שטעהענדיג ביים וואשען די טעפלאך, האט דוד'ל דערפיהלט, ווי ס'הערצעל מאכט: „טיאך! טיאך!" און — נאך אמאל „טיאך!"

...

אויסהערענדיג דעם ריכטער'ס עצה האט דוד'ל פארשפראכען, אז פון היינט און וועט ער מעהר ניט ליעב האבען אזעלכע מיידלאך, וואס לאזען זיך ניט שלאגען מיט אזא קליינינקייט ווי א קופערנע פאן. איבערן קאפ און — ווי איינער וואס האט פארלוירען א גרויסע שלאכט, פול מיט פארצווייפלונג און געבראכענקייט, האט דוד'ל ארויסמארשירט פון פאליס קאורט און וואשען טעפלאך און זוכען א שטעקעלע אויף ארויסקלאפען זיך סאפיטשקען פון קאפ.

היינט ווערט ווייטער אנגעפיהרט דער קאמפיין פאר ...

קאמישאנער אינטשעס באשולדיגט דעטראיטער ריכטער אין באלשעוויזם

ברענגט אלס ראיות קייסעס פון דזשאדזש דזשעפריס'עס קאורט. — ס'איז זיכער, אז די אטאקע איז געציעלט אויף דזשאדזש דזשעפריס. — האט דערנאך חרטה און זאגט אז ער האט איבערגעכאפט די מאס.

ריכטער דזשעפריס רופט דר. אינטשעס'ן פארדאמטער ליגנער'

אין א רעדע וואס דער פאליס קאמישאנער דר. אינטשעס האט געהאלטען פאר'ן סיטיזענס ליג, לעצטען פרייטאג אווענט, אין דעם באארד אוו קאמערס האל, האט ער געמאכט א באשולדיגונג, אז א געוויסער דעטראיטער ריכטער, וועמעס נאמען ער האט זיך אנטזאגט צו דערמאהנען, איז אן אנהענגער פון באלשעוויזם.

ער האט באהויפטעט, אז דער דאזיגער דזשאדזש נעהמט אן געהיים אנטייל אין דער סאציאליסטישער באוועגונג.

לויט דר. אינטשעס גיט איבער, האט דער דאזיגער דזשאדזש געזאלט האבען געזאגט אויף א געהיימען מיטינג פון ראדיקאלען אזוי:

„גיט מיר פינף הונדערט מענער וואס זאלען שטעהן צוזאמען און איך וועל לויז מאכען דעטראיט פון אלע קאפיטאליסטען. דאס זיינע די ראצען, וואס בארויבען אייך פון אייער פרייהייט.

„די דאזיגע ציטאטע — זאגט דר. אינטשעס — איז אן אויסצוג פון א דיקטאגראף־רעקארד, וואס פאליציייאישע געהיים אגענטען האבען ארונטערגענומען פון יענעם מיטינג.

דער פאליס קאמישאנער האט באשולדיגט דעם באטרעפענדען ריכטער, אז ער האט זיך געשטעלט אן איינגאבע אין דעם שטערען, וועט ער זיין פארטיידיגען אויף מארגען נאך דער רעדע האט שוין די פאליציי געהאט גרויסע שוועריגקייטען מיט יענע סטרייקערינס".

דער רעדנער האט אויך באשולדיגט יענעם דזשאדזש אין באפרייען אלע גאסען־פרויען, וואס ווערען פאר איהם פארגעבראכט. ער האט באהויפטעט, אז לעצטען יאהר זיינען אויף דעטראיטער גאסען ארעסטירט געווארען אהום דריי טויזענד פינף הונדערט פרויען און אין 24 שעה ארום נאך זייער ארעסט, זיינען זיי געווען צוריק אויף די גאסען.

צום סוף האט דר. אינטשעס אויסגעבראכט, אז עס איז נויטיג דורכצופיהרען דעם „קאורט רעפארם ביל".

שלוס אויף זייט 4

„רומענישער פאליסמאן" כאפט א גנב איינברעכענדיג א אידישע סטאר

פאטרולערן לעאן גאזאר, (דער רומענישער פאליסמאן") איז לעצטען דאנערשטאג ביינאכט פארביי געגאנגען שיפמאן'ס חושענטס פורנישינג סטאר, 605 הייסטינגס סטריט ...

...

„אין א ווינקעל פון דעטראיט"

דאס איז דער נאמען פון דעם נייעם ראמאן געשריבען ספעציעל פאר'ן „וועג" פון

ב. איסאיעוויטש

און וואס וועט זיך אנהויבען צו דרוקען אין דעם פסח נומער.

דער פסח נומער פון „וועג", וועט זיין א סורפריז. עס וועלען זיך אין איהם באטייליגען משה נאדיר, מנחם, מרים קארפילאוו, משה טאלטשין, עליאש, ...

CLASSIFIED

פיר פאמיליע בריק פלעט
סאוטה פון או-רען פארק. 5 רומס און סליפינג פארטש, 3 גאראדזשעס בלויז $11.000 $26.000 איינצאלען.
Maloney-Campbell Realtty Co.
504 Free Press Bldg.

צו פארקויפען
A 1
לאקיישאן פאר א כשר בוטשער סטאר האמילטאן בולווארד נעלענד פארענע
Northway 890w

צו פארקויפען, א פרוכט און וועד-זשעטייבל סטאר, מיט'ן טיעם אויב פארלאנגט. גאראנטירט צו מאכען א פיינעם לעבען, און סייפען נעלה. פרעגען באקס 51.
28)

נאטים ! נאטים !
א נייער בוטשער שאפ האט זיך געעפענט אויף 1382 מישיגאן עוו., נעבען 28טע סט. פ-אמפטע און איידעלע באהאנדלונג, נים אונז א טרייעל און איבערציינט זיך.
28)

פסחדיגע שמאלץ צו פארקויפען $1.25 א פונט. מר. סלאן, 169 נודזשען אין די ריער.
28)

$:0.000 **פאמיליע פרים הויז** 8
וועסט סייד 5 רומס און באטה אין יעדען אפארטמענט, סטים היט, פיינער געגענד, איינצאלען $6.500; מאנאטליך איינצאלונגען $175 רענט $350 א מאנט. פרעגען, גארפיעלד

סיילסמאן פארלאנגט ענס הכא - דינג דזשענטס פורנישינג און שוהס מוז רעדען פויליש און רוסיש. 2425-27 וו. דזשעפערסאן

די אהט. העגד לאונדרי
728 הייסטינגס סטריט
צו אייך, סינגעל לייטע!
אויב איהר ווילט האבען אז אייער לאונדרי זאל זיין געשייפט און ריכטיג געמאכט קומט צו אייער גוט באקאנטען פריינד יוסף מיקאפסקי וועלכער פאסט אויף, אז אלעס זאל ווערען נעפיקסט פינקטליך. 728 הייסטינגס סט
טעלעפאן, מעלראוז 5670 אר

כשרה הויזקיפער פארלאנגט.
אין א פיינע אידישע הויז אין פאמט הוראן. מוז קאנען גוט קאכען און אויך אויפפאסען די הויז. גוטע היים און גוט באצאלט צו די ריכטיגע פערזאן. רייזע קאסטען אומגעקעהרט אויב ניט צופריעדענשטעלענד.
נאכפרעגען: ווילם לאנדאו, 75 פארנס ווארטה. — טעל. נארטהווי 1675 אדער בען לאנדאו, 620 בראש סט. מעלראוז 1310 דזשיי.
26)

ווארע בילינג פאר סטאר-קיפערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

קוואסעלאוו און קאטליערים
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס פורנישינגס, נייע גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פורנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע סינסטע אין שטאט.
פ. בונין. פראפ.

אדווערטייזט אין "וועג"

שיקט אריין נאר 2 דאלאר

וועט איהר באקומען א **האלב יאהר צייט** איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.

דאס „פאלקסבלאט".

א **דעמאקראטישער** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** וועט־בעם האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוילען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר אויך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.

דאס **„פאלקסבלאט"** וועט אייך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר פערקניפען געשעפטליכע בעציהונגען מיט מזרח־אייראפא.

דער בעסטע און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס „פאלקסבלאט"**. אדרעס:

Lodz. Petrokowska 37, Poland

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט נעמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 מערזורי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר. ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 **הייסטינגס סטריט**

דר. ל. ע. בעלער
ספעציאליסט אויף אויגען, אויערען.
נאז און האלדז קראנקהייטען 164
גרעשיאט עוו קאפפין טעאטער בילד.
טעל. מעין 2702

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע-מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דורואנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
נעמאכט אין דעטרויט.

אקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
נעמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פעגסי טייבל קלאטהס, קורטענס, פענסי דריינודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע,
שלעסער, שליסלען קארפענטער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט ?
זאו קומט צו
מ. דראמניטץ
245 מאנטקאלעססט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות · מיט די בעסטע צופרידענהייט
511 **קעמעראן עוועניו**
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע ווירדזשעס קוואליפייקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג
7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
237 הייסטינגס סט.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדווי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט נעמופט דעם אפיס אין
52 **נאפאלעאן סט.**
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באעלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

Hacks Spring Style Shoes
העק'ס ספרינג סטייל שיך

זיינען די העכסטע קוואליטי אין שוכווארג, וואס מענשליכע הענד און מאדערנע מאשינערי האבען זיין געשאפען

הונדערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, בעוואונדערען מיט ערשטוינונג אונזערע 5 גרויסע שאו ווינדאוס מיט די פראכטפאלסטע סטיילס שוהס.

פאר מענער, פרויען און קינדער

וואס איז נאר ווען געצייגט געווארען אין לעטראיט. אונזערע שוהס זיינען אימער געוועזען אנערקענט אלס די בעסטע אין סטייל און קוואליטי, אבער דיעזען סיזאן איבערטרעפען זיי אלע עקספעקטאציעס. איהר מוזט זיי זעלבסט זעהן אום זייער ווערטה ריכטיג אבצושאצען.

פאר מענער 5.00 ביז 18.00; פאר פרויען 5.00 ביז 16.50; פאר באיס 3.50 ביז 7.50; פאר גירלס 3.50 ביז 10.00; פאר קינדער פון 75 סענט ביז 5.00 די פאאר.

The Store on the Corner that does Business on the Square

העק'ס שוה קא.
1045-1047 הייסטינגס סטריט קא-נער פארנסווארטה

לכבוד פסח

מאכט אייערע קינדער פרעהליך פיר דעם קומענדען יום טוב. א שענע דרעס פיר אייער קליינע מיידעלע און אן אפ טו דייט סוט פיר אייער קליינעם באיעלע.

מיר האבען א פולע ליין פון

פון קינדער גודס וועלכעס באשטעהט פון נאר וואס אנגעקומענע נייע סטיילס פיר קומענדען יום טוב

L. & L., Economy Store
1219 Hastings Strdet
(צווישען פאלמער און הענדרי)
מענס, לידיעס און קינדער פורנישינג און א פולע ליין פון דריגודס.

לענדלארדס
אויפמערקזאם!

מיר האבען קאסטאמערס מיט $150 און $400 איינצוצאלען פאר א ליעס אויף 6, 7 אדער 8 רומס, וועלכע צאהלען גוטע רענט. איהר קאנט מאכען געלה. פרעגט: הערים און לואיס

הערים און לואיס
481 אנטווין סטריט
טעל טשערי 8054

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל
אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארעס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט. געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיענעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.
723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich
Glendale 7576

ש. ניגער וועגען ח. נ. ביאליק
היינט דעם 28טען מארטש אום 2:30 בייטאג
אין לייבאר לייסעאום

וועט דער בערימטער שריפטשטעלער און ליטעראטור קריטיקער ש. ניגער רעדען איבער דעם גרויסען דיכטער

ח. נ. ביאליק

דער גרעסטער און לעצטער ליטעראַרישער אונטערהאלט פון היינטיגען סיזאן
לאזט ניט דורך די געלעגענהייט
איינטריט 50 סענט ארראנזשירט פון י. ל. פרץ פעראיין.

אלומינום און גראניט-וועהר לכבוד פסח
אויך א פולע ליין קראקערי קריגט איהר ביי

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשידענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, טוירמענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפליט ליין אין לידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענער פארנישינגס און אנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בויס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

ווילט איהר סייווען 30 פראצ. ?



ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראנגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעם וואס איהר דארפט פאר אייער הויז קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
ר' דוד גאלדען

אין 248 **איסט האי סטריט**
טעלעפאן, מעין 4420

האלס
צו פארענטען. אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט
— 204 **הענקאק איסט** —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטערארישע אווענטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות.
בילינע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
מ. שטארק.

שווינדלערייען אין פסחכשרות אנגעלעגענהייטען

אזוי ווי אין געוויסע סטארס, גראסער־רעס און בעקערייעס שטעלט מען ארויס „סיינס" מיט אן אויפשריפט „בהכשר הרב דפה" מיט וועלכען מ'קען פארבלענ־דען די אויגען פון אומשולדיגע קאסטי־מער, אלזא איז מיין פליכט באקאנט צו מאכען דאס איך האב ניט געגעבען קיין הכשר אויף גראסערעס אדער געבעקס און איך גלויב אויך אז קיין רב האט ניט געגעבען.

זאלט איהר וויסען אז יעדעס לייבעל וואס טראגט ניט דעם זיגעל פון א גע־וויסען רב אדער פון ועד הרבנים דפה, האט ניט קיין ווערט.

יהודה ליב לעווין, הרב
אגודת הרבנים דפה.

געמאכט א „האלד אפ" און בארויבט פון $1.900.

די מעשה פון „האלד אפ", ווי אנבער־סאן דערצעהלט איז אזוי:

ווען ער איז ארויס פון א סטאר אויף דיקס עוו., איז א פרוי איהם אנגעקומען אנטקעגען און געפרעגט פאר א דזשאב אין פארלויף פון געשפרעך איז צוגע־פאהרען א מאן אין אן אויטאמאביל און אנגעציעלט א רעוואלווער נעגען איהם, איהם אוועקגעפיהרט אין א רום אויף ברוקלין עוו., וואו ער איז בארויבט גע־ווארען.

דאס געלט איז דאס אייגענטום פון דער קאמפאניע.

◎◎◎◎◎◎◎◎◎◎◎◎◎

לעזט דעם „וועג"

מעיאר קאוענס פערלאנג איז

אז וואס מעהר סטריט קארס זאלען לויפען אויף הייסטינגס סטריט, דאמיט געבען די געלעגענהייט אלע איינוואהנער פון דעטראיט ווי וועט זיי זאלען ניט וואהנען צו קויפען זייער סטיילישע פאמפס און אקספארדס

לכבוד פסח

ביי דער

מעדבורי. שוה קאמפאני

הייסטינגס און הענדרי

וואו איהר וועט זיכער קריגען די בעסטע שיך פאר דער גאנצער פא־מיליע.

מעסיגע פרייזען און ארענטליכע בעהאנדלונג. קומט און באטראכט אונזער ווינדאוס.



The Medbury Shoe Store

1232 Hastings

הנעלים פתחו את פיהם ואומרים חדש ימינו כקדם

נאך איין קאלטען און נאסע ווינטער האבען אייערע שיך אויפגעעפענט זייערע מיילער און בעטען זיך רחמים אז איהר זאלט זיי באנייען, און דאס קענט איהר ערפיהלען זייער וואונש אין

האלפערין בראס. ענד דייוויס

סטאר

וואס איז אימער געווען פארדעכענט פאר די בעסטע קווא־ליטי און סטיילישע שיך אויף הייזער סט. און פיר הייגטי־גען פסח האבען מיר זיך מעהר ווי אלע מאל אויסגעצייכענט אין פעשאנאבל שיך און פאמפס, איהר מוזט בא־טראכטען אונזערע ווינדאס צו זעהן די ריכטיגע סטיילס, און איהר מוזט אנטרייען אונזערע שיך אויף אייערע פיס צו באמערקען די פיטינג קוואליטי, און דאס קענט איהר אקאמפלישען ביי אריינקומען יעצט ווען דער סטאק אונ־זערער איז קאמפליט און אונזערע סיילס־לייטע זיינען ניט צו ביזע צו אטענדען אייך ריכטיג, ווארט ניט ביז דער לעצ־טער מינוט, אייך איז שוין גוט באקאנט, וואס דאס מיינט אריינצוקומען אין א סטאר די לעצטע פאר טעג בעפאר יו"ט וואו איהר דארפט אפטמאל ווארטען שטונדען לאנג ביז מען אטענדעט אייך.

די ערשטע זאך אויף אייער פראגראם זאל זיין צוקויפען שיך

איהר מעגט האבען דעם שענסטען סוט אדער די שעהנ־סטע דרעס, קאם זיינען אייערע שיך אלטע און ארויס פון שייפ, און די הילס זיינען צוהרייט, דאן פערלירט דער גאנ־צען אנטהאן זיך דעם פראכט און גלאנץ. קויפט יעצט וועט איהר אונז דאנקבאר זיין.

HALPERIN BROS, & DAVIS

נויארק סטאר קלאדינג קא.

596 הייסטינגס סטריט

זענט איהר איינגעלאדען צו באטראכטען אונזער

ספעשיל לכבוד פסח

ספרינג סוטס, טאפ קאוטס

און

העטס, דזשענטס פורנישינג, יאנג מענס און בא"ס קלאדינג.

פרייזען די בילגסטע אין שטאדט

P. Bunin, Prop.

קליוולאנד פארק, א קאלעקטאר פאר דער אטלאנטיק און פאסיפיק טי קאמפ., איז געקומען צו דער פאליציי מיט א מעשה, אז א מאן מיט א פרוי האבען אויף איהם

אפיציעלע רעגירונגס מעלדונגען,

צווישען די פארשידענע ארטיקלען וואס מען ערלויבט נישט אריינפיהרען אין ארץ ישראל זיינען די פאלגענדע אויך איינגעשראסען: כליזיין, ביקסען, אויפרייסונגס־מאטעראלען, זאלץ בילדער וועלכע טראגען אן אונמאראלען כאראק־טער.

צווישען די ארטיקלען וואס מ'טאר נישט ארויספיהרען געפינען זיך די פאל־גענדע: אייראפעאישע לעדער און ארטי־גע בהמות, ווייץ און גערשטען, אויל א. אז. וו.

געוויסע ארטיקלען קען מען אים־פארטירען מיט א ספעציעלע ערלויבניש פון עפענטליכע אנבייטס דעפארטמענט אדער פון די געזונד דעפארטמענט.

איבערשיקען צוקער און נאפט — ארויס פון ארץ ישראל — וועלכע זיינען אויך אקופירט ביי די ענגלענדער קען מען נור מיט א ספעציעלע ערלויבניש ארויסצופיהרען ספירה פון יפו נאך אנ־דערע פלעצער אין דעם זעלבען דיסט־ריקט קען מען אהן ערלויבניש.

די פאלגענדע ארטיקלען פאדערן שטייער:

ציקער, קאפע, פעפער, פיש, אויל, מאנדלען, און עהנליכע סחורות.

די אויסצאהל איז ½ פאר יעדע 100 קילאגראם;

זייף, רייז, קעפ און עהנליכע — איין צילינג פאר 100 קילאגראם. ציבעל, קנאבעל, גרינצייג, קאלך, ארבעז קארטאפעל, פרוכט — 8 סענט פון 100 קיל. האלץ און שטיינקויהלען — 4 סענט.

די פאלגענדע ארטיקלען פאדערן קיי־נע שטייערן:

קאקטוס בורקעס, פארשידענע גראזען, געטראנקען, שטיינער, שעפסען פעל, שינדלען, אייזענווארג און אייער.

קאנסטאנטינאפאל, מארטש 25. — די אסאשיאייטעד פרעס איז אינפאר־מירט, דאס דעפעשען פון ביירוט מעלדען אז עמיר פייזעל, דער נייער פראקלאמיר־טער קעניג פון סיריען האט געגעבען די פראנצויזען צייט ביז'ן 6טען אפריל צו פארלאזען סיריען און די אראבער האבען באפוילען די ענגלענדער אפצוטראגען זיך פון פאלעסטינא.

אדריאנאפאל, ווערט בעריכטעט, האט ערקלערט איהר אונאפהענגיגקייט.

פייזעל, דער זוהן פון קעניג פון העדזשעס, איז פון העכסטען אליאירטען ראט־אויפגעפאדערט געווארען, דאס ער זאל ערקלערען די אורזאכען וואס האבען געפיהרט צו זיין ווערען געקרוינט אלס קעניג פון סיריען. פרעמיער לאיד דזשארדזש האט ערקלערט, דאס די אליאירטע האבען ניט אנערקענט פייזעל'ן אלס דעם רעגירער פון דעם דאזיגען לאנד. די פארשטעהער פון לבנון האבען אריינגעשיקט א פראטעסט קיין לאנדאן נעגען פייזעל'ס שריט.

גלייך נאך דער צערעמאניע פון זיין קאראנאציע האט פייזעל זיך אויסגע־דריקט, דאס זיינע באציהונגען מיט די עליים וועלען בלייבען דיזעלבע פריער־ליכע, ווי זיי זענען געוועזן פריהער. דער לעצטער באריכט איז געווען, דאס פייזעל האט ערקלערט א באיקאט נעגען פראנקרייך און ענגלאנד.

מען אין א פרוי מאכען א גע־לונגענע רויבעריי

נעלסאן אנדערסאן, 251 לאבעל עוו.,

The GREAT WESTERN GROCERY Co.
WHOLESALE-EXPORT-IMPORT

וואמשט אונזער אפענינג

ספעשעל פיר גראסערי לייטע

א נייע האלסייל גראסערי קא. פיר אייך גראסערי לייטע

פאר צעהן יאהר עקספיריענס אין דער גראסערי ליין און צוזעהענדיג ווי באנעהט זיך מיט אייך גראסערי לייטע.. האבען מיר באשלאסען צו עפענען א גרויסען האלסייל גראסערי פלאץ אין 219 נאפאלעאן סטר. קאר. ריווארד און מיר פארזיכערען אייך אז פון אונזער האלסייל וועט איהר פאלשטענדיג צופרידען זיין. מיר האבען באשלאסען צו פארקויפען סחורה אזוי ביליג ווי נאר מעגליך, כדי איהר גראסערי לייטע זאלט אויך קענען קאנקורירען מיט אייערע קאנקורענטען

מיר גאראנטירען אייך פאר גוטע סורוויס

די גרייט וועסטערן גראסערי קאמפאני

219 נאפאלעאן קאר. ריווארד

מיט גרוס אייך, אלעמענס באוואוסטע עליאס עפשטיין און געלמאן ברידער.

וואמשט דיזען פלאץ פאר אינזערע וויטעדיגע ארוועד טייזמענטס.

לכבוד פסח

אלע אוקלאנדער אי דען, מענער פרויען און קינ'

דער קויפען זייערע

שיך

נאר אין

קאפלאנס קוואליטי שוה סטאר

301 וועסטמינסטער עווענוי

2 יאהר אין דעם זעל בען פלאץ, דער סטאר וואס האט א רעפוטיישאן פאר קוואליטיס און גרויסע וועליוס און קליינע פרייזען.

מיר האבען דעם גרעסטען סטאק, די שענסטע פעשאנס און סייזען אייך פון $25 ביז $40 פראצענט אויף ספרינג וועליוס. קומט איידער עס ווערט א ראש.

מיר גאראנטירען יעדע פאר שיך. געלט צוריק ווען ניט צופרידען.

א פרעהליכען יום טוב

וועט איהר האבען ווען איהר וועט קויפען אייערע

סוטס און ספרינג קאוטס

ביי

בלאק און פופקא

492 הייסטינגס סטריט

אונזערע קאסטאמערס וויסען, אז מיר שטעלען זיי צופרי־דען צו יעדער צייט. סטייל, קוואליטי און קליינע פרייזען געהן ביי אונז האנט אין האנט.

אונזער ליין פון סילק שוירטס מענס העטס איז די שעהנ־סטע וואס עס קען נאר געבען. איהר קריגט יעדען מאדעל וואס דער מארקעט פראדוצירט.

מיר בעטען אונזערע פריינט, ניט צו ווארטען אויף דעם לעצטען טאג פאר יום טוב.

אונזער סטאק געהט זעהר שנעל. קומט באצייטענס לאמיר אייך צופרידענשטעלען.

Block & Pupco

492 Hastings Street

דער וועג.
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

זונטאג, 28טען מארטש 1920

דעטראיטער טעטיגקייט פאר אוקראינער אידען

אויף אן אנדער זייט אין היינטיגען נומער וועט דער לעזער געפינען א מעלדונג, וואס מיר האבען באקומען פון דעם „פארבאנד פון די אוקראינער אידען אין אמעריקא“, וועלכער מיילט אונז מיט, אז דער וועג קיין אוקראינע איז אפען פאר קליידער, שיך, מעדיקאמענטען וכדומה.

ענדליך איז אפען דער וועג צו אונזערע אומגליקליכסטע פון די אומגליקליכסטע.

ווי מיר שטייען איצט, איז נאך דער וועג אינגאנצען נישט אפען. מען האט ערשט א קליינע שפארונע פאר אונזער הילף געעפענט; מיר האבען איצט מעגליכקייט צו באקליידען די נאקעטע, באדעקען די בארוויסע, היילען די קראנקע און א קוין פון נח ב״ה שיקען צו אונזערע פארצווייפעלטע טאטע מאמע, ברידער און חברים.

און אט איצט הייבט זיך אן די ארבייט פון דעם „פארבאנד פון די אוקראינער אידען אין אמעריקא“ און פון אלע זיינע צווייגען איבערן גאנצען לאנד; און אט הייבט זיך אן די ארבייט פון די לאנדסמאנשאפטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון דער גרויסער אמעריקע און צוזאמען מיט זיי אויך דער פאראיין, אדער די פאראיינען פון די פרויען, וואס האבען דעם צוועק צו שטיצען און צו טרייסטען זייערע פארצווייפעלטע שוועסטער פון יענער זייט ים, אין דער בלוטיגער אוקראינע.

אן אלגעמיינע טעטיגקייט און א פיבערהאפטע דארף זיך איצט אנהייבען. ווארים גערעדט האבען מיר ביז איצט פון הילף, פון שטיצע, פון אריבערברענגען און אריבערשיקען הילף און שטיצע און אין אונזערע ווערטער האבען מיר שיער אליין נישט געגלויבט; מיר האבען גערעדט שעהנע רייד, מיר האבען געלאזט איבערקלינגען אונזער מיטגעפיהל אין דיא שעהנסטע פראזען, אין שטארקער פראזא, דורך פלאמענדיגער אראטארישער קראפט, — אבער נאך אלעמען איז עס פארט געווען א קול קורא במדבר, ווייל געוואוסט האבען מיר ווי פארשלאסען זיינען אלע וועגען, ווי פארריגעלט אויף זיבען ריגלען זיינען אלע טויערן און אויף זיבען שלעסער זיינען אלע טירען פארשלאסען; מיר האבען געוואוסט ווי אן אייזערנע וואנד האט אפגעטיילט אונז, די זאטע און די זיכערע, פון יענע אויסגעהונגערטע, דערשראקענע און צעקוועטשטע.

און איז דאס הארץ דא פארגליווערט געבליבען צו דעם געשריי פון די געפייניגטע אידען אין דער מערדערישער אוקראינע, און האבען טויזענדער פון אונזערע אמעריקאנער ברידער רוהיג איבערגעהערט די ידיעות פון די שחיטות און רציחות אויף זייערע קרובים און חברים אין דעם לאנד פון די כמעלניצקים און גאנטאס, האבען מיר נאך, ווי ס'ניט איז געקענט געפינען א תירוץ; אז במילא קען מען דאך איצט מעהר ווי רייסען קריעה גארנישט מאכען; אז היינט קוילען פייסטען און פארשילטען זיך און יענעם, קען מען קיין ממשות'דיגע הילף נישט דערלאנגען די הילפלאזע.

האבען מיר די רוהיגע און די אינדיפערענטע, די אלע, וועלכע זיינען פון ווייטענס געשטאנען פון יעדער אוקראינער ארגאניזאציע דן געווען לכף זכות; מיר האבען זיי פארענטפערט, אז אט זאל נאר קומען יענע העכערע צייט ווען א קליינע, די קלענסטע מעגליכקייט זאל אונז געגעבען ווערען צו דערלאנגען הילף אונזערע ברידער אין אוקראינע, וועלען דעמאלט ערשט קומען אט יענע אידען און זיי וועלען זייער ברידערליכע האנד פול מיט הילף אויסשטרעקען, און מיט לייב און מיט לעבען וועלען זיי זיך אריינווארפען אין דער טעטיגקייט וואס ווערט אנגעפיהרט לטובת די אוקראינער אידען.

און אט האט די שעה געשלאגען.

עס הייבען זיך אן איבערצייטערען די פינסטערע הימלען און עס זעהט זיך א שטראהל פון האפנונג. מען קען שוין אנהייבען אונזער רעטונגס ארבייט. און אין דער נאהענטער צוקונפט, ובפרט ווען מען וועט איבערפיהרען בריעף פאליטיק מיט די סאוויעטען, וועט די רעטונג און הילף קענען ווערען א קאנסטרוקטיווע.

און נאכאמאל פרעגען מיר: וואס טוט זיך אין דעטראיט מיט די אוקראינער פאראיינען?

מיר הערען דא פון די באזונדערע לאנדסמאנשאפטען; פון די באזונדערע, קלענערע אדער גרעסערע לאנדסמאנשאפט סאסייעטיס.

מיר הערען דא גארנישט פון דער אפטיילונג פון דעם אוקראינער פארבאנד.

און מען זאגט דאך אונז, אז אזא אפטיילונג איז דא יא פאראן; און איז דאך זייער א פארטרעטער געווען ביי דער קאנפערענץ אין פילאדעלפיא.

ווארום זשע נישט אויסנוצען דעם איצטיגען מאמענט און ארויסצוזייגען א לעבעדיגע טעטיגקייט, וואס זאל קענטיג זיך אנזעהן אין שטאדט? ווארום זשע נישט אריינציהען די יעניגע אוקראינער אידען, וואס געהערען נישט צו קיין לאנדסמאנשאפט ארגאניזאציע, אדער סאסייעטי? זיינען דאך פאראן אין דעטראיט זעהר א סך אוקראינער אידען, וואס זיינען נישט אנגעשלאסען אין קיין סאסייעטי, אדער פאראיין און וועלכע זיינען ביכולת גאר פיל צו העלפען סיי דורך פינאנציעלער שטיצע און סיי דורך זייער פעהיגקייט, איינפלוס און ארבייט לטובת דער אפטיילונג פון דעם ניו־יארקער פארבאנד.

איצט איז דער גינסטיגער מאמענט.

איצט איז דער פארבאנד, אדער ווי ער רופט זיך דא, אין דעטראיט, מחויב באלד אנצוהייבען א פיבערהאפטע טעטיגקייט און שרייבט און אין מהאם צונויפצוזאמלען אין זיין רייהע די אלע, וועלכע זיינען ביז אצינד, איבער אזא אדער אנדער אורזאכע, געבליבען אויסער די רייהען און קיין שום אנטייל נישט גענומען אין דער ביז איצטיגער ארגאניזאציאנס ארבייט.

איצט האט די שעה געשלאגען.

די פאליטישע וואך

פון ז. ק.

ס'העלפט גאר ניט: טרייבסטו די נאטור דורך די טיר, קריכט זי אריין דורכן פענסטער.

ווארים, וואס דען איז געווען די פאליטיק פון די אליאירטע, בנוגע סאוועטען רוסלאנד, אויב ניט דאן־קיכאטיזם? ווארים, וואס דען איז געווען די שטעלונג פון די אליאירטע, בנוגע דעם באזיעגטען דייטשען פאלק, אויב ניט אן אהיסרוף צו דעם נאטירליכען גאנג פון דער אייראפעאישער עקאנאמישער ענטוויקלונג?

ס'איז דאך געווען קלאהר, אונבאשטרייטבאר, דאס מיט דעם פארשווינדען פון קאלטשאק'ן, מיט דעם צוריקלויפען פון דעניקינ'ס „ווייסע“ מחנות, איז די רוסישע סאוועטען־רעגירונג געווארען די „כשרה“ יורש'טע פון געוועזענעם צארישען לאנד. און דאך, זענען נאך אלץ באכמעטיעוו, מאקלאקאוו און די איבעריגע „אמבאסאדארען“ פון דער רוסישער קאנטר־רעוואלוציע די „אפיציעלע“ פארשטעהער פון'ם רוסישען לאנד.

ס'איז דאך געווען באלד פון אנפאנג קלאהר, אונבאשטרייטבאר, דאס דער ווערסאלער שלום־אפמאך שטעלט א סכנה דעם עקאנאמישען בוי פון אייראפא. דאס איז געווארען דאך קלעהרער און אונבאשטרייטבארער, ווען דעם שלום אפמאך האט אנגעפאנגען צו פונקציאנירען. ס'איז דאך געווען אונמעגליך צו גלויבען, דאס אן איינהייטליכער, גאנצער מעכאניזם, ווי אייראפא שטעלט מיט זיך פאר, זאל קענען פראדוקטיוו ארבייטען, ווען איינער פון זיינע וויכטיגסטע טיילען ווערט אפגעשוואכט. און דאך האט דער פראנצויזישער פרעמיער דא ניט לאנג ערקלעהרט, אז דער ווערסאלער שלום איז קדש־קדשים, און אז מ'וועט פון איהם ניט פארמינדערען קיין „קוצו של יוד“.

אז די פראנצויזישע פאליטיק ווערט באהערשט און סטימולירט ניט פון איהרע אייגענע רעאלע אינטערעסען איז שוין א פאקט פאר יעדען איינעם, וועלכער האט מוט צו קוקען דער ווירקליכקייט גלייך אין די אויגען. מיר האבען זיך איבערגעצייגט נאך לעצטע וואך וועגען דיזער פאליטיק אלס א טעמפעראמענטספיעל. דיזע וואך האט איינער פון די פעהיגסטע אמעריקאנער קארעספאנדענטען, דזשאהן לאיד באלדערסטאן, געגעבען דעם אמעריקאנער לעזער א גרונדליכען איבערבליק איבער די מיינונגספארשידענהייטען, וועלכע הערשען צווישען די עליירטע גופא. פון איין זייט, זאגט ער, שטעהט ענגלאנד, וועלכע האט זיך ארומגעזעהן, אז „אייראפא אין איהר איצטיגער קריטישער לאגע מוז ווערען באטראכט אלס איין גאנצעס. נקמה, אפילו גערעכטע פארגעלטונג און פארדינטע שטראף מוזען ווערען אויפגעגעבען“, ווייל דער איצטיגער בליק פון דער ענגלישער פאליטיק איז, אז „אייראפא איז איין ארגאנישע סיסטעם פון בלוט און פלייש און איין איטעריגער געשוויר אין איין טייל פון דער סיסטעם איז אונפארמיידליך, אויב ער ווערט ניט אויסגעהיילט, פאראורזאכען דעם טויט פון גאנצען סיסטעם. דער געשוויר איז רוסלאנד און צענטראל אייראפא: דייטשלאנד, עסטרייך, אונגארן, פוילען, יוגאסלאוויע און טשעכא־סלאוואקיע“.

פראנקרייך, פון דער צווייטער זייט, זעהט אין דיזער אנגעווענדעטער פראבלעם א מעגליכקייט צו ערפילען איהר לאנגיעהריגען פארלאנג צו פארניכטען דייטשלאנד. פראנקרייך'ס ווירקליכער מאטיוו געגען אנערקענען פון רוסלאנד איז, לויט באלדערסטאן'ס מיינונג, די מורא, אז דייטשלאנד זאל דורכ'ן רוסישען האנדעל ניט צוריק אויפלעבען עקאנאמיש. „פראנקרייך וועט גיכער נעהמען אויף זיך די ריזיקע פון אלע עקאנאמישע שוועריגקייטען, וועלכע שטעהן איהר פאר“, זאגט ער, „איידער צו געבען דייטשלאנד א מעגליכקייט צו שטעלען זיך צוריק אויף די פיס. אלע אמעריקאנער, וועלכע האבען פארשטאנען די אייראפעאישע באדינגונגען, האבען געפיהלט, אין דעם משך פון שלום־קאנפערענץ, אז פראנקרייך'ס שטעלונג איז א היסטערישע און, ווירקליך, א ביסעל א משוגענע. די מעהרסטע פון ענגלישע שטאטסלייט האבען איצט אנגענומען דיזע מיינונג“.

דער קארעספאנדענט ווייזט דאן אן, אז א פאלקאמע רעווידירונג פון שלום־אפמאך, וועט, פריהער אדער שפעטער, געפאדערט ווערען פון דער ענגלישער רעגירונג און אז איינע פון די סבות, וואס דער איצטיגער כאאס אין וואשינגטאן ווערט דא (אין ענגלאנד) זעהר באדויערט, איז וואס ענגלאנד וואלט וועלען, אז די פאראייניגטע שטאטען זאלען מאכען די איניציאטיווע אין פארלאנגען א רעווידירונג (פונ'ם שלום)“.

ווי ס'זעהט אבער אויס, האט ענגלאנד מעהר קיין האפנונג, דאס פרעזידענט ווילסאן זאל ווידער ווערען איהר פראפאגאנדא אגענט. גאנץ מעגליך, דאס די עקשנות'דיגע שטעלונג פון ווילסאנען צו דעם סענאט רעזערוואציעס און זיין לעצטע ערקלעהרונג צו סענאטאר היטשקאק, אז פון דעם ווערסאלער אפמאך טאר מען ניט אנרעדען אפילו „כחוט השערה“ האבען פאראורזאכט, וואס דער ווארטפיהרער פון דעם נייעם ענגלישען באגריף וועגען אייראפא איז געווארען ניטי, דער איטאליענישער פרעמיער.

און אט וואס ניטי האט לעצטען מאנטאג געזאגט אין איטאליענישען פארלאמענט: אויב אייראפא וועט געראטעוועט ווערען פון דעם חורבן, וואס דראהט איהר, איז דאס נאר דאן, ווען דער ווירקליכער שלום־גייסט וועט באהערשען די אייראפעאישע רעגירונגען. רוסלאנד, די באלשעוויסטישע רוסלאנד מוז אנערקענט ווערען און רחמנות און טרייסט מוזען געשאנקען ווערען צו אלע באזיעגטע פעלקער.

ווי יעדער „בעל־תשובה“, אזוי ווערט אויך איצט ניטי אן עקסטאזער אנהענגער פון דעם, וואס ער אליין האט פריהער אויסגעלאכט. ער פאלט ביזעם פאר דעם גאט, וועלכען ער האט ניט לאנג צוריק געלעסטערט. האט דען ניט ניטי, דער איטאליענישער פארשטעהער ביים סוף פון שלום קאנפערענץ, אליין ניט מיטגעהאלפען, דאס עפענטליכע דיפלאמאטיע — דער ערשטער פון ווילסאנס 14 פונקטען — זאל פראקטיש ווערען געשילדערט פון די וועלט־ציניקער? ווארים, וואס מיינט דען עפענטליכע דיפלאמאטיע, אויב ניט די עפענטליכע מיינונג פון דער וועלט?

אין זיין רעדע אבער, האט זיך ניטי, גראדע געווענדעט צו דער עפענטליכער מיינונג.

ער האט ערקלעהרט: ס'מוז זיך לאזען הערען פון די פארלאמענטען און פעלקער א קראפטספולע, הומאניטארע שטימע, וואס זאל דרינגענד בעטען סימפאטיע און טרייסט פאר די באזיעגטע.

דער פאליטישער און עקאנאמישער כאאס וועט נאר דאן פארשווינדען, ווען אייראפא וועט ווערען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון שלום — האט ניטי פארגעזעצט — אז איטאליען וועט שטרעבען צו ערדייכען דיזען ציעל, ווייל זי פיהלט, דאס די אינטערעסען פון אייראפא וועלען ס'דראהט אן אלגעמיינער חורבן מוזען ווערען געשטעלט איבער שנאה און צעטיילונג.

ס'איז אהן א צווייפעל, אז דער הויפט פון דער איטאליענישער רעגירונג איז אויפריכטיג און עהרליך אין זיין איצטיגער שטעלונג צו דער אייראפעאישער פראבלעם. זיין רעדע איז פיעל מעהר ווי א סימן*) אז די צייט איז נאהענט אדער נאהענט ווען דער ווערסאלער פארטראג וועט גוטגעמאכט ווערען. זיין רעדע מוז באגריסט ווערען פון אלע ליבעראלע עלעמענטען, וועלכע האבען ניט געקענט באגרייפען די דאן־קיכאטישע פאליטיק פון די אליאירטע צום פיעל־ליידענדען רוסישען פאלק. דיזע רעדע איז אן עכא פון די ווירקליך גרויסע און באציבערנדע אידעאלען, וועלכע זענען פון דעם העכסטען פארשטעהער פון דער גרעסטער רעפובליק ארויסגעזאגט געווארען אינ'ם משך פון די לעצטע צוויי יאהר מלחמה. דיזע אידעאלען זענען געווען אין איינקלאנג מיט דער נייער עפאכע. אויב ווילסאן, אונטער'ן דרוק פון דער פראנצויזישער היסטעריק, און לאיד דזשארדזש'עס אינערליכער היימיש רעאקציאנערער פאליטיק האט אליין צעבראכען זיינע לוחות, האט אבער די פראגרעסיווע וועלט געהאפט אויפריכטיג, אז די ראד פון דער געשיכטע וועט דאך זיך דרעהען פאראויס. ווייל, טרייבסטו די נאטור דורך די טיר, קריכט זי אריין דורכ'ן פענסטער.

* * *

קען דער לעמפערט איבערבייטען זיין פעל? קען דער מיליטאריסט רוהען, ווען פריעדען הערשט?

ס'איז דאך ניט קיין סוד אז פאש איז דער גרעסטער געגנער פון דער נאציאנען ליגע, וועלכע קען, חס וחלילה טאקע אפשר מיט אן אמת פארווירקליכען די נבואה פון „והיה באחרית הימים“.

אט ווייזט מען דאך איצט פאר די פרייע בילדער פון דיא פאראייניגטע שטאטען בילדער, וואו פאש שטעלט אוועק געגען דער מאכטלאזיגקייט פון דער טויטער נאציאנען ליגע זיינע ווילד־פליהענדע מתנות איבער די ווייסטע און פארווארפענסטע ווינקלען אויף דעם ערד־קויגעל.

איז דען א וואונדער, וואס פאש דער אבגאט פון אלוועלטליכען מיליטאריזם — ארייננעמענדיג אויך דעם אמעריקאנעם דזשינגאאיזם — האט אין די דייטשע אינערליכע אומרוהען דערשמעקט דעם פאר'שכור'ענדען ריח פון א נייער מיליטערישער וואקכאנאליע?

געבעטען האט ער פון אנפאנג, אז דער אמבאסאדארענראט זאל איהם ערלויבען פיהרען צו א שדים־טאנץ אין דייטשלאנד 80,000 אליאירטע סאלדאטען; אבער ווען דאס איז איהם ענטזאגט געווארען, האט פאש, דער „אונקאמפראמיסליכער“ בנוגע שלום דאך געוואלט איינגעהן אויף א קאמפראמיס... זאל מען כאטש שיקען 50,000 סאלדאטען.

ס'איז ניט קיין וואונדער! א נס וואלט פאסירט, ווען פאש וואלט ארויסקומען פאר דעם פרינציפ פון נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג פון דייטשלאנד.

ווארים נאכאלעמען, איז דער ציווילער קאמף, וואס געהט איצט אן אין דייטשלאנד א זאך פארן דייטשען פאלק אליין. קיינער פון די קעמפפענדע צדדים האט ניט ברעה מיט גוואלט, אדער דורך מלחמה, מאכען פארזוכען צו ליטערדען די גרויסע שמערצען און וואונדען, וואס דער ווערסאלער שלום האט פאראורזאכט דעם דייטשען פאלק. די עלייעם ווייסען גאנץ גוט, דאס ניט די אונאפהענגיגע סאציאליסטען — וועלכע געהען אין דעם איצטיגען ציוויל קריעג האנט־אין־האנט מיט די ספארטאקאנער — און ניט עבערט וועלען זיין אויף אזוי־פיעל נאריש און קורצזיכטיג ארייננצושליידערען דאס פאלק אין א נייער מלחמה.

דער איצטיגער קאמף אין דייטשלאנד האט קיין שום שייכות ניט מיט'ן ווערסאלער שלום. דאס איז קלאהר, ניט קארקענטיג, וואס די באריכטען וועלכע ווערען ערהאלטען פון דייטשלאנד זענען אזוי מאגער מיט ווירקליכער אינפארמאציע און אזוי רייך מיט פאנטאזיע.

* * *

ס'איז צו האפען, דאס די ערוועהלונג און גוטהייסונג פון הענרי מארגענטוי, אלס אמבאסאדאר צו דער קאראנזא רעגירונג, וועט פיעל בייטראגען דער געווינטשטער פארשטענדניס מיט דער רעוואלוציאנערער מעקסיקא. אז ס'איז דא א גרונד צו אזא האפנונג קען מען באמערקען, ווי אזוי די רעאקציאנערע פרעסע פון'ם לאנד האט זיך אפגערופען וועגען מארגענטוי'ס באשטימונג.

אט שרייבט איין צייטונג, אז דער סענאט, די רעפובליקאנישע מעהרהייט פון סענאט, וועט אויסנוצען מארגענטוי'ס ערוועהלונג, אלס געלעגענהייט „אפצורעכענען זיך“ מיט'ן דעמאקראטישען פרעזידענט. אז אזא ארגומענט איז מעהר ניט ווי א פראפאגאנדא מיטעל פאר די שווארצע כחות, וואס קוקען אויס, דאס אמעריקא זאל זיך מיליטעריש אריינמישען אין מעקסיקאנישע אינערליכע אנגעלעגענהייטען, האט קלאהר באוויזען דעם סענאט'ס גוטהייסען פון ביינברידזש קאלבי, אלס סטייט־סעקרעטער. דיזער פאל איז דאך טאקע פארגעקומען מיט איין טאג פריהער, ווי מר. מארגענטוי איז באשטימט געווארען אלס אמבאסאדאר. וואלט ווירקליך געווען די שטימונג פון ביז־איצט צו פיהרען פערזענליכע מחלוקות מיט ווילסאנען, וואלט; דאך דער פאל מיט מר. קאלבי'ן געווען א פיעל וויכטיגער. ערשטענס, איז קאלבי'ס אמט מעהר א פאראנטווארטליכער. צווייטענס, אויב פערזענליכע צאנקערייען זענען, אדער קענען זיין, א מאטיוו ביי דער רעפובליקאנישער מעהרהייט פונ'ם סענאט, וואלט דאך נאטירליכער געווען פאר'ן סענאט „אפצורעכענען זיך“ מיט'ן פרעזידענט איבער דעם „דעמאקראטישען גר“ קאלבי, וועלכער האט ביז'ן יאהר 1912, ווען רוזוועלט'ס פראגרעסיווע פארטיי האט זיך געגרינדעט, באלאנגט צו די רעפובליקאנער. א פארטיי וועט דאך קיינמאל ניט פארגעבען א רענעגאט!

עס איז אבער דא אן אנדערער מאטיוו וועלכער קען ווירקליך שטעלען אין סכנה דאס גוטהייסען פון'ם סענאט מארגענטוי'ס ערוועהלונג. די סכנה איז פון סענאטאר פאל'ס רעזאלוציע, אז די פאראייניגטע שטאטען זאלען אפברעכען דיפלאמאטישע באציהונגען מיט מעקסיקא. פרעזידענט ווילסאן איז געגען דער רעזאלוציע און, מ'שמועסט, אפילו דאס איז איינע פון די אורזאכען, וואס האבען געבראכט צו דער באריהמטער לענסינג־רעזיגנאציע. איז געווען לענסינג'ס שטיצע צו די „אינטערווענשיאניסטען“ אין מעקסיקא.

אלענפאלס, כל זמן דער סענאט האט נאך ניט זיך ארויסגעזאגט וועגען סענאטאר פאל'ס אנטי־קאראנזא'אישער רעזאלוציע, איז פריהצייטיג צו רעדען, צי מארגענטוי וועט זיין דער נעקסטער אמבאסאדאר צו מעקסיקא, אדער ער וועט ניט זיין.

אויב מארגענטוי'ס פערזענליכקייט וועט'יע ארייננעצויגען ווערען ווען דער סענאט וועט זיין באשטימונג באטראכטען וועט עס זיין די ארבייט פון דער רייכער קליקע, וועמעס אויל־אינטערעסען פאדערען, אז די פאראייניגטע שטאטען זאלען מיט'ן בלוט פון דער אמעריקאנער יוגענד ערטרינקען די רעוואלוציאנערע רעגירונג פון קאראנזא.

*) סימנים בנוגע דער וועלט פאליטיק פון די פריהערדיגע 5 און שפעטערדיגע 4 „גרויסע“ זענען תמיד געווען אן ענטוישענדער דורכפאל.

פראזעפראנזען

פון משה נאדיר

עפעס וועגען א בוים

א טויטער בוים. שטאל־ראויסגעפוצט. רייגער פון אלע אנדערע ביימער. געט. שטיל. שטייף. אבער אזוי אומערהערט טויט. די אנדערע ביימער רוישען. מאכען אן א טומעל. פיהרען זיך נישט גוט אויף. שפילען א ליבע מיט זייערע אייגענע שאטענס. לאכען אין דער הויך. בייזערען זיך. רעדען גראבע הויכשטורעמדיגע וויכטיגע רייד. דער טויטער אויסגעפוצטער בוים קוקט זיי אן אזוי ערנסט. פארשטעהט נישט וואס זיי רוישען אזוי. וואס זיי לאזען נישט שלאפען, דערציילט דעם טויטען בוים אז לעבעדיגע ביימער האבען זאפט אין די אדערען וואס צעשפילט זיך ווי ווייז, און שנורט אן דאס הארץ. זיי מוזען רעדען, פלוידערען, טומלען, שרייען, זינגען, צאפלען זיך. דער טויטער בוים וועט עס נישט פארשטעהן. דערפאר ווייל ער איז אלט און פארטריקענט און אפגעשטארבען, אך ווי שרעקליך אפגעשטארבען. דער טויטער בוים איז מיינער א שכן.

אין א ראזיר־שטוב שפיגעל

איך האב נעכטען א קוק געטון אין אזוינע מינים שפיגלען וואס ווייזען אייך אייער פיגור פון ביידע זייטען, פון פארענט און פון הינטען. איך האב דערזעהן עפעס א פרעמדען מענש מיט א ראזירטען קארק וואס געהט מיר נאך שטילערהייט אויף שריט און טריט. און עפעס א ברייטע, פלייצע וואס איז מיר דורכאויס פרעמד און פארלייקענט אינגאנצען מיין שעהנע אינטערעסאנטע פארענטפערונגקייט. ווער ווייס וואס פאר א שפראך מיין פלייצע רעדט הינטער מיר. אפשר פון אונטערטעניגקייט. פון געבויגענקייט, און דער ראזירטער קארק אויף יענער זייט פון מיין פארשוינליכקייט צי נארט ער נישט אפ זיין באלעבאס וואס קען אויף איהם נישט האלטען קיין אויג, צי פארלייקענט ער נישט די רוזענרייד וואס בליהען פון מיינע ליפען ארומעטער, צי באטריגט ער נישט מיין אינטעליגענטע פאדערדיג אויסזעהן. צי שרייט ער נישט אריין די פאנבויך געהער אויפ'ן אויער אז זיין באלעבאס איז א געפעהרליכער מענש און מ'דארף זיך פאר איהם היטען; איך האב געקוקט אין די שפיגלען אויף דער אומבאקאנטער העלפט פון מיין קעניגרייך און זיך געאומעטיגט. ווער ווייס, ווער ווייס וואס פאר אן איינדרוק מיין יענזייט מאכט אויף מענשען. און וואס שלעפ איך מיך ארום מיט א פאר ברייטע פלייצעס וואס איך קען זיי נישט און ווייס זיי נישט. און וואס האט צו מיר דער פרעמדער גיישט־שעהנער נאקען. וואס טרעט ער נישט אפ פון מיין געשטאלט און פאר וואס זידעלט ער מיך הינטער די אויגען און פארפלעקט מיין גוטען נאמען אלס דזשענטלמאן.

ריכטער באשולדיגט אין באלשעוויזם

שלוס פון זייט 1

עס האבען אויך גערעדט דזשאדזש טאמאס קאטער, דזשאדזש וויליאם מ. העפמאן און מרס. קלארא ב. ליווענמור, וועלכע איז 9 יאהר צייט געווען הויפט פראבייישאן אפיסער אין דזשוווענייל קאורט. אלע האבען אגיטירט פאר דער דורכפיהרונג פונ'ם קאורט רעפארם ביל.

קורצער, אבער שארפער סטייטמענט פון דזשאדזש דזשעפריס.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דר. אינטשעס האט מיט זיין באשולדיגונג ניט געמיינט קיין אנדערען ווי דזשאדזש דזשעפריס, ווייל די קייסעס פון וועלכע אינטשעס האט דערצעהלט אין זיין רעדע, זיינען פארגעקומען אין דזשאדזש דזשעפריס קאורט.

ווען א רעפארטער האט געבעטען זיך געווענדעט צו דזשאדזש דזשעפריס, ער זאל מאכען א קאמענטאר וועגען דר. אינטשעס'עס רעדע, האט דער ריכטער געענטפערט: „קאמישיאנער אינטשעס איז א פארדאמטער ליגנער“.

דר. אינטשעס איז זיך מודה, אז ער האט איבערגעטריבען די מאס

נעכטען איז שוין דר. אינטשעס געווען א סך געלאסענער ווי פרייטאג אוונט. ער האט זיך געכאפט, אז ער האט א שעהן ביסעל איבערגעכאפט די מאס און איז שנעל ארויס מיט א סטייטמענט, צו „פארכאפען“ די פיש פאר דעם נעץ'. ער איז — זאגט ער — געווען שטארק אויפגערעגט און דערפאר האט ער זיך ארויסגעכאפט מיט א פאר הייסע באמערקונגען, פאר וועלכע עס טהוט איהם באנג...

„איך בין — זאגט דר. אינטשעס אין זיין נעכטיגען סטייטמענט — געווען שטארק איבערראשט און אויפגערעגט פון א סירקולאר, אין וועלכען עס ווערט געזאגט, אז די 2 איצטיגע פאליס מעדזשיסטרייטס דיענען א געוויסען קלאס און דאס האט פאראורזאכט די פאר צו־הייסע באמערקונגען, וואס איך האב געמאכט“...

דר. אינטשעס האט זיך געכאפט, אז ער האט אין זיין רעדע געמאכט א סטייטמענט, וועלכען ער דארף זאפארט פארריכטען און איז דארום נעכטען ארויס מיט אן ערקלעהרונג, אז —

„אין פארבינדונג מיט דעם סטייטמענט, אז איך האב א דיקטאגראף קאפיע פון דער רעדע פון א געוויסען ריכטער, וועל איך זאגען, אז דער פאליס־דעפארטמענט האט זיך קיין מאהל ניט באנוצט מיט א דיקטאגראף, אום צו רעקארדען די ווערטער פון א דזשאדזש...“

אין אנדערע ווערטער: דר. אינטשעס גיט צו, אז דאס וואס ער האט געזאגט האט ער... ניט געזאגט.

לידער

פון ארטור עסעלען

דער ווילען פון גאט:

א שפראך נאך פארטאג, מיין קינדערשער בליק:
ער האלט ווי פארגליווערט, אויף פלאך און אין טיעף,
אויף טרויער פון נעבעל, אויף שימער פון ליכט.
וואס שאטענט מיין דמיון, וואס פלייכט מיין געזיכט,
וואס ווייגט און באזינגט, מיין קינדערשען גליק...
אזוי איז דער ווילען פון גאט!

איך שאר זיך אין חשך, מיט וואקלענדע טריט,
פינקעלט א שיין וואו? — ני, לויף איך מיט פרייד,
מיט שטורעם אין הארץ, מיט פלין אין מיין אויג,
— האלט! — אומעין שרייט; נאך א טראט, נאך א בייג,
ס'לאכט די געפאהר, — נאר אימעצער היט,
דער אייביגער שוין און רחמנות פון גאט!..

איך פאלג נאר דעם ווילען פון גאט,
דורך בלינדען באפעל פון נאטור
וואס לייערט אויף מיר, —
אלמעכטיגער ווילען פון גאט!

זיי שטיל...

זיי שטיל און שטום, ווי פיש אין ים,
און וועג און מעסט, דעם ווערט פון „ווארט“
זיין קלאנג און פארב, זיין צייט און ארט...
זיין קדושה־גליה, זיין צער און סם...

ערשט דאן אים „צאם“ ווי עס צאמט דער ברעג
דעם שטראם פון ים און האלט איהם אפ!
זיי האר פון ווארט, — שטאט הארץ — מיט קאפ,
פאר וואס? — דו נאר — זיי שטיל! ניט פרעג...

די פאלשע

(ערצעהלונג)
פון מרים קארפילאוו

זי נאר, זי מיט איהר מאן און זייע-רע צוויי קינדערלאך האבען זיך אין די ג׳יע רומס אריינגעצויגען, האבען אלע וועגען זיי אנגעהויבען ריידען..

זי אליין האט שטאף פאר די רייד געגעבען... גלייך ווי האט זיך מיט דער שכנה פון „נעקסט דאר" באקענט, האט זי איהר פארטרויט א סוד, דאס זי האט איהר מאן ניט ליעב..., די שכנה האט דעם סוד אן אנדער שכנה פערטרויט. יענע ווייטער — אן אנדערע, און אזוי איז עס פון איינער צו אן אנדערער גע-גאנגען, ביז אלע האבען שוין דערפון געוואוסט.

אז אלע האבען דערפון געוואוסט איז שוין דער סוד קיין סוד ניט געווען און מ׳האט וועגען איהר גערעדט.

— פאר וואס זאל זי, אזא גארנישט, — האבען זיי געזאגט, — דעם מאן, אזא פיינעם מאן, פיינט האבען? א קוק צו טאן אויף איהר, קען פינסטער ווערען אין די אויגען. בלייך, דאר, הויט און ביינער, קוים וואס דאס לעבט. ס'קען קיין צוויי ווערטער מיט איין אטהעם ניט ארויסרעדען. ס'האט אפילו קיין כח ניט צו שמייכלען, און דאס האט פיינט דעם מאן!

ס'גיבען זיך איין ביי לייטען אזעלכע מענער דימענטענע אז.. ס'איז נאר א צער אויף זיי צו קוקען. אט דער׳ס מאן למשל, ס'א פארגעניגען מיט איהם אווארט אויסצורייד׳ען. אזוי פיין, אזוי שטיל, אזוי עדעל מיט אלעמען. ווי קען מען דאס נאר אזא מאן ניט ליעב האבען?!

די „נעקסט-דארינע" האט א פאר מאל באמערקט, ווי איינער איז צו איהר ארויפגעקומען. ער האט ביי איהר א לענגערע צייט פערזאמט און זי האט איהם שטיל ארויסגעלאזען. דאס איז געווען ווען דער מאן איז אין דער היים ניט געווען. און דוקא א שעהנער יונגער מאן. א וואונדער וואס האט ער אין איהר דער-זעהן! ווען זי איז צו איהר נאך זיין אוועקגעהן נאך עפעס וואס אהיינגעקו-מען, האט זי צו איהר זייט ניט געוואלט קוקען... זיך א פנים געשעמט די אויגען צו ווייזען...

די שכנה האט אלעמען פערזיכערט אז ס'איז געווען דער, מיט וועמען זי, די פאלשע, איז אנטלאפען געווארען. זיכער דער, ווען מ'וויזט איהר אויף איהם אן, וואלט זי איהם גלייך דערקענט...

דער פערלאזענער מאן איז א שווי-נענדער, ווי אהן א קאפ ארומגעגאנגען. אינטעליגענט ווי ער איז געווען, האט ער זיך געשעמט אויף זיין ווייב א שלעכט ווארט צו ריידען. די שכנות האט די הארץ געריסען אויף איהם קוקענדיג. אזא ליעבליכער יונגער מאן זאל צוליעב אזא פאלשע ווייבעל דארפען ליידען!

זיי האבען זיך אויפגערעדט איהם דערוויייל ביז וואנען וואס ווען, מיט די קינדערלאך ארויסהעלפען, און סאפערם פאר איהם קאכען.

— נישקשה, — האבען זיי איהם גע-טרייסט, ער דארף ניט פערצווייפלען. אדרבה, ס'דארף איהם נאך הנאה טאן, וואס ער איז פון אזא צרה פטור געווא-רען, א ווייב איז דאס? א הערינג אן אויסגעדארטע. א טאראן איז דאס! א גרויסע מציאה האט יענער אריינגע-כאפט, ניטא וואס צו ריידען. נישקשה, זי וועט נאך קומען צוריק ער זאל זי אויפ'ן שוועל ארויפלאזען. זי'ט'ציך ריי-סען די האר, שלאגען מיט'ן קאפ אין וואנט אז ער זאל איהר מוחל זיין.

ווארום די ליעבע פון יענעם וועט צו איהר לאנג ניט אנהאלטען. און אויב עס וועט איהר ניט ציהען צוריק צום מאן, וועט'ם איהר ציהען צו די קינדער, וואר-דים קינדער זיינען ניט קיין קעפלאך קרויט. זיי וואקסען ניט אין גארטען און א מאמעם הארץ איז ניט קיין פאטיי-טע....

דערפאר, אז זי וועט קומען, — האבען זיי איהם געזאגט, זאל ער וויסען וואס צו טאן; ער זאל איהר גוט אנ-לערנען....

ער האט זיי שווייגענדיג אויסגעהערט און פערטראכט מיט'ן קאפ צוגעשאקעלט, פון וואס זיי האבען פערשטאנען, דאס ער איז מיט זיי איינפערשטאנען און גע-טרייעט זייער בעסט איהם אין הויז מיט די קינדער ארויסצוהעלפען, ער זאל גאר ניט פיהלען וואס זי פעהלט איהם, און זאל ער זעהן, אז ס'זיינען אויך גוטע פרויען אויף דער וועלט פאראן.

ער האט זיי פאר אלץ, אפילו פאר זייער מיה געוואלט באצאהלען, אבער זיי האבען א צייט פון דעם אפילו הערען ניט געוואלט. שפעטער צו האבען זיי שוין אזוי פיעל, וויפיעל ס'האט זיי אליין געקאסט, ביי איהם איינגעווי'ליגט צו נעהמען. ער זאל נור די הויז זיינע ניט צעברעכען, ווארום ס'איז גרינג א הויז צו צוברעכען, אבער ס'איז שווער צוריק אויפצובויען, נישקשה זי וועט צוריק קו-מען, און אז ניט זי, וועט זיין אן אנדערע, ער וועט דאך אויף אייביג אליין ניט פערבלייבען....

ווען זיי האבען זיך שוין צו איהם מיט די קינדער גוט צוגעוואוינט, און ווען זיי האבען שוין אויפגעגעבען די האפנונג זי מעהר צו זעהן איז זי געקומען.

פון אנהויב האבען זיי זי ניט דער-קענט, אזוי שטארק האט זי זיך געענ-דערט. זי איז עפעס גאר אן אנדערע גע-ווארען: — שעהן, רויט, דיק און געזונד האט זי אויסגעזעהן. איז עס איהר אפנים פאר יענעם בעסער געווען צו לעבען... אבער, נאך די קינדער האט זי זיך דאך פארט געמוזט פערבענקען! ווען ניט, אין נאך וואס וואלט זי געקומען?

צוערשט האט די נעקסט-דארינע איהר געוואלט דעם וועג פארשטעלען: וואס האט זי פאר א רעכט די פאלשע, פאר איהר אומגליקליכען מאן מיט די ליעב-ליגע יתומים זיך צו ווייזען? נאר זי האט באלד באשלאסען דערווייל שטעהן פון ווייטען, זעהן ווי ער וועט איהר די-מיד באווייזען.

נאך מעהר אורזאכע געווען פאר וואס ער זאל זי ניט וועלען אנקוקען..

זי, האט זיך אין איהר קיטשען, ג'דער פינסטער, ביים „ראמאוועטער" אוועקגעשטעלט און צו זיי אין דער לעבעדיג אריינגעקוקט, אזוי האט זי, די „נעקסט-דאריגע" ביידע זאכען, אי זעהן, אי הערען געקענט.

און וואס זי האט געזעהן און גע-הערט האט זי איהרע אויערען מיט איה-רע אויגען קוים געקענט גלויבען: ווי נאר די פאלשע איז אין הויז אריינגעקו-מען, איז ער איהר אקעגען געלאפען, זי שטארק ארומגענומען און זיי האבען זיך א צייט לאנג געקושט! — — ער האט זי אזוי מיט אזא פרייד אנגעקוקט און זי איהם, און די האט געלאפט איבער דעם פלאן, וואס עס האט זיך איהר אזוי גוט איינגעגעבען אויסצופיהרען, ווארום, ווען זי וואלט איהם אזוי ניט „פאלש" געווארען, וואלט איהם קיינער מיט די קינדערלאך ניט מיטגעפיהלט. און זי וואלט קיינמאל די אפערייש׳אן ניט קע-נען האבען און וואלט אין קאנטרי ניט קענען פאהרען, און וואלט אזוי צו זיך קיינמאל ניט קענען קומען. זי וואלט פאר דער צייט פון דער וועלט אוועק און איהם אן אלמן און די קינדערלאך יתומים׳לאך איבערגעלאזען. אזוי אבער, אוי, אזוי... זי איז דאך דיק געווארען לאבענדיג, ווען זי האט זיינע בריעף גע-לעזען. און ער, דער ברודער איהרער, דער „געליעבטער", ער האט אויך גע-לאכט. אלע די, וועלכע האבען דערפון געוואוסט, האבען אזוי געלאכט. און ער? ער האט ניט אזוי געלאכט, האט ער געזאגט, ער האט נאך איהר געבענקט, אזוי געבענקט...

און ווייטער האט ער זי, די „פאלשע" ארומגענומען און ווייטער האבען זיי זיך געקושט, ביז... ביז די „נעקסט-דארינע" איז פון איהר בעהעלטעניש ארויסגעגאנ-גען די ניעס צו די הויזיגע פונאנדער-

דער גוטער אויסזעהן איהרער 'איז ניאגע....

ארום דעטראיטער ארגאניזאציעס

סענטראל רעליעף - קאמיטע

עס איז לעצטענס געווארען א מאדע ביי איינגע וואס זוכען זיך ארויסצו-רעדען מיט כלערליי תירוצים, אבי ניט בייצושטייערען פאר רעליעף - צוועקען ארויסצוקומען מיט דער טענה, אז סאיז ווי-סאי קומען די געלדער ניט אן, טא צו וואס געבען?

אט די דאזיגע אידען, וואס קומען ארוים מיט אזעלכע תירוצים, ראטען מיר צו לייענען אט דעם דאזיגען באריכט, וואס די סענטאל רעליעף קאמיטע פון 51 טשאמבערס סטריט ניויארק, האט אריינגעשיקט צו מ. קאפלאן, דער סעק-רעטער פון דער דעטראיטער רעליעף קא-מיטע, 483 הייסטינגס סטריט.

אט איז דער באריכט:

אי בערגעשיקט רעליעף אין מאנאט פעברואר.

פאר פוילען

$300.000 פאר אלגעמיינע רעליעף פאר'ן מאנאט מארטש.

$260.000 מעהל פאר מצות.

$150.000 פאר ספעציעלע פסח־ צוועקען

$10.000. פאר רבנים און ישוהל באאמ-טע פאר פסח, נאך אן אפיעל וואס די ניויארקער סענטראל רעליעף קאמיטע האט ערהאלטען פון 224 רבנים פון פוי-לען און גאליציע.

$10.000 צו באקעמפען די טיפוס־עפידעמיע.

אוקראינא

$10.000 עמוירדושענסי־ פאנד.

פאלעסטינא

$75.000 פאר דעם יתומים־בוד-זשעט פאר דריי מאנאטען.

6.000 ל. ע. פאר מצות

$70.000 רעליעף פאר'ן מאנאט מארטש.

רומעניע

פאר אלגעמיינע רעליעף, אריינגע-רעכענט בוקאווינא $75.000

דייטשלאנד

הונדערט טאן כשר'ע זאלץ, פלייש און הונדערט בארעלס אויל.

וויען

100.000 גולדען פאר מצות

הונדערט טאן כשר'ע זאלץ, פלייש און הונדערט בארעל סאויל.

טערקיי

$32.400 מצות

$25.000 אויפ'ן מאנאטליכען בודזשעט.

ליטע

7.000 זעק מצה־מעהל.

סאלאניקי

$19.000 פאר מצות

סיריען.

$5.000 איבערגעשיקט אין מאנאט פעברואר.

— אונטערגעשריבען
סענטראל רעליעף קאמיטע 51 טשעמבערס סטריט, ניויארק,
מארטש 1920.

אידישע מוטערס ארגאניזאציע

אן ערפאלגרייכער מיטינג איז אפ-געהאלטען געווארען אין דער הוויער סקוהל אויף קאניף און ראוודעיל סטריטס געבטען דריי א זיינער ביינאג, אונטער דער איניציאטיווע פון דער „מיטשערס אסאסיאיישאן" און פון דעם עדוקיישא-נעל דעפארטמענט פון די יוניטעד רזשואיש טשאריטים אוו דעטראיט.

די אויפגאבע פונ'ם מיטינג איז געווען די גרינדונג פון א מוטערס-ארגאניזא-ציע. דער צוועק פון דיזער ארגאניזא-ציע זאל זיין ברענגען אין נאהענטער פארבינדונג די מוטערס מיט די סקוהלס.

ה. פרער באצעל האט גערעדט איבער דער טעמא דהי „רילײשאן אוו דהי האום ענד דהי סקוהל" און מר. ה. זענ-דער האט גערעדט וועגען דעם זעלבען ענין אין אידיש.

עס איז אויך דורכגעפיהרט געווארען א שעהנע מוזיקאלישע פראגראם, און אנ-דערע פארוויילונגען.

עס איז געגרינדעט געווארען די אר-גאניזאציע און עפענטליכע מיטינגען וועלען געהאלטען ווערען יעדען מאנאט.

ערפאלגרייכער אגיטאציאנס מיטינג פאר א אידישען האספיטאל.

די מתעסקים פאר א אידישען האס-פיטאל אין דעטראיט, האבען לעצטען זונטאג אנגעפאנגען זייער עפענטליכען קאמפיין, מיט א מיטינג אין דער אהבת אחים שוהל פון אוקלאנד.

צו זאגען, אז דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט, וואלט געווען שטארק אי-בערטריבען. ווען דער צוועק וואלט ניט געווען אזוי וויכטיג, וואלט מען זיך אפשר געקענט באגנוגענען מיט דעם עולם וואס איז געווען. ווען מען האט אבער אין זינען, אז דא האנדעלט זיך וועגען א אידישען האספיטאל, וועלכער אין אזא לעבענס-נויטווענדיגקייט פאר דער אידישער קהילה אין דעטראיט — דאן איז עס העכסט פארדריסליך וואר-רום די אוקלאנדער שוהל איז לעצטען זונטאג ניט געווען אנגעפאקט.

דער מיטינג אבער פאר זיך אליין איז געווען גאנץ ערפאלגרייך. כמעט אלע אנ-וועזענדע האבען זיך איינגעשריבען אלס מעמבערס פון דער „היברו האספיטאל אסאסיאיישאן", און די רעדנער האבען מיט אן אמת אידישער ווארימקיים הער-מאהנט דעם עולם אן זייער גרויסער פליכט צו זיך און צו דער קהלה.

עס האבען גערעדט צוויי געעהרטע רבנים, רבי הורוויטש און רבי תאומים; מר. האלסקין און לאיער ליסס.

מר. האלסקין האט אין א שטארקער און איינדרוקספולער רעדע ערקלעהרט די אידעע פון א אידישען האספיטאל. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף דעם פאקט, וואס אין דעטראיט געפינען זיך אידען, וועלכע זוכען צו לעגען שטיינער אויפ'ן וועג די אויפבויאונג פון א אידישען האס-פיטאל, און מאכען אן כלערליי שטע-רונגען.

„עס וועט זיי אבער ניט העלפען — האט מר. האלסקין געזאגט. — מיר זיי-נען יעצט דורכגעדרונגען מיט דעם גע-דאנק, אז א אידישער האספיטאל מוז אומבאדינגט געגרינדעט ווערען און ער וועט געגרינדעט ווערען, ווייל מיר ווייסען אונזער פליכט צו זיך, צו אונזערע מיטמענשען און צו אונזער לאנד.

„די ערשטע פארערונג האט ער ווייטער געזאגט, וואס אמעריקע שטעלט צו אן אימיגראנט איז: „צו זאלסט זיך אליין העלפען". און אזויווי מיר זיינען גמעט אלע איינגעוואנדערטע, דארפען מיר גע-דענקען, אז קיינער וועט אונז ניט העל-פען אויב מיר אליין וועלען פיהרען צווי-שען זיך קליינליגע צאנקערייען איבער גארנישט. דעטראט האט אהן עין הרע א גרויסע אידישע באפעלקערונג און ס'איז נויטיג א אידישער האספיטאל וואס זאל קענען נאכקומען די נויטען פון דער אי-דישער באפעלקערונג אין דעטראיט".

די געעהרטע רבנים האבען פון זייער שטאנדפונקט אויפגעוויזען, ווי נויטיג עס איז פאר די אידען אין דעטראיט צו הא-בען א אידישען האספיטאל.

אן אינטערעסאנטע רעדע האט אויך געהאלטען דער יונגער לאיער מ. י. ליסס.

כשר האספיטאל אסאסיאי-שאן באדאנקט דעם „וועג"

אויפ'ן לעצטען מיטינג, וואס איז אפ-געהאלטען געווארען אין דער היברו האס-פיטאל אסאסיאיישאן, דינסטאג אווענט אין עטינגערס האל, איז מר. ליפ-מאן ערוועהלט געווארען פאר פינאנץ סעקרעטער.

עס איז אויך ערוועהלט געווארען א פינאנץ-קאמיטע צו אונטערזוכען און „א־קעי"ען די ביכער.

אין דער קאמיטע זיינען ארייין פאלגענ-דע:

ראזין; ה. ספיוואק; קאהן; וועלט און גרינבלאט.

ביי דיזען מיטינג איז אויך אנאנ-סירט געווארען, אז דער מאסמיטינג אין אוקלאנד האט אריינגעבראכט 44 נייע מיטגליעדער, וועלכע האבען שוין איינ-געצאהלט א טייל פון זייער דיוס און 11 דארפען נאך ערשט איינצאהלען

צום סוף פון די פארהאנדלונגען, האט דער פרעזידענט, מר. קאצין פארגעלעגט צו באדאנקען דעם רעדאקטאר פון „וועג", מר. ב. י. גאלדשטיין, פאר די לעצטע צוויי עדיטאריעלס, וועלכע זיינען געווען געדרוקט מאנטאג און דינסטאג. מר. ה. האלסקין שטיצט דעם פארשלאג, האל-טענדיג א ווארימע רעדע און באטאנט, אז ס'איז א פליכט אויף יעדען איינ-ציגען מיטגליעד ניט נאר אליין צו לייע-נען דעם „וועג", נאר אויך פארשפריי-טען צווישען די באקאנטע, ווייל דער „וועג" האט זיך אויסגעצייכענט אין פאר לויף פון די לעצטע פאר מאנאטען ניט נאר מיט זיין מאראלען ערפאלג אלס ריי-נע, אנשטענדיגע צייטונג, נאר אויך מיט זיין ווארימער שטיצע צו אלע אידישע אינסטיטוציעס בכלל און צום אידישען האספיטאל בפרט.

צו אלע בוטענער לאנדסלייט פון דעטראיט.

אונזער ליעב געבורט־שטעטעל בו-טען, וואו מיר האבען אלע פארבראכט אונזער קינדהייט און א גרויסען טייל פון אונזער לעבען, איז יעצט א חורבה געווא-רען. א שרפה האט צושטערט מעהר ווי א האלב שטעטעל; די נויט איז דארטען אזוי שרעקליך, אז אלע פארבליבענע גע-העו פשוט אויס פון הונגער. געוועזענע בעלי-בתים, חשוב׳ע בעלי־בתים, געהען איינ-געוויקעלט אין שמאטעס; שמאכטען נאך א ביסען ברויט און ס'איז ניטא קיין הילף און קיין רעטונג פון ערגעץ. עס האלט דערביי, אז אלע אידען פון שטעטעל זאלען בוכשטעבליך אויסשטארבען פון הונגער און פון די קראנקהייטען וואס פאלגען נאך אלס רעזולטאט פון הונ-גער.

אלזא, וואס בלייבט צו טאן? — אט דאס איז איצטער די פראגע.

און דער ענטפער איז איינפאך: מיר בוטענער לאנדסלייט אין אמעריקע מו-זען זאפארט צו הילף קומען אונזערע אומגליקליכע שוועסטער און ברידער אין אונזער געבורט־שטעטעל. ווען מיר ווע-לען דאס ניט טאן, וועט די שולד פון זייער אונטערגאנג פאלען טיילווייז אויף אונזערע קעפ און עס וועט בלייבען אן אייביגער שאנד־פלעק אויף אונזער גע-וויסען, אז מיר די זאטע, די גליקליכע האבען ניט מיטגעפיהלט די הונגעריגע, די אומגליקליכע.

אין דעטראיט געפינען זיך אהן ע״ה

(שלום אויף פיידזש 10)

איר קענט שיקען געלט אין פוילען

דורך דער

Bank of Detroit

א. זינגער מענעדזשער

הייסטינגס סטריט ברענטש

C. W. Kotcher. Lumber Co.

ברעטער אלערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.

Melrose 3390

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים אין

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלארס

קעדילאק 2061

זייט אין אוקלאנד און סייווט געלד.

דער שענסטער סטאר אין אוקלאנד פאר סטייל און מעסיגע פרייזען.

לודין און גולדס

741 אוקלאנד עוו.

דער סטאר וואס גיט אייך סאטיספעקשאן א גאנץ יאהר, וועט אייך נאך מעהר צופרידענשטעלען איצט.

לכבוד פסח

מיר האבען דעם שענסטען אויסוואהל פון

מענס און יונג מענס סוטס

העטס פורנישינגס, די לייטעסטע מאדעלס און פעשאנס, אונ-זערע פרייזען וועלען אייך איבערראשען.

Ludin & Gould

די בארימטע

ר״ב מאיר לאנדאו׳ס מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר׳ מאיר לאנדאו׳ס

מצות און האט הנאה פון פסח. אדרעס באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

האנדלונגען וועגען דעם מען זאל קענען רעגעלמעסיג אריבערשיקען בריעף קיין אוק-ראינע. די פאר-האנדלונגען זיינען נאך ניט אבגעשלאסען געווארען און דער רויטער קרייץ ווענדעט אן אלע מעגליכ-קייטען, אז אזא בריעף פארקעהר זאל ערמעגליכט ווערען. אזוי שנעל ווי ער וועט דאס וויסען אויף זיכער וועט ער-

לאזען וויסען וועגען דעם דעם אוק-ראינער פארבאנד.

דעם 7טען אפריל וועט דער פארבאנד אפהאלטען גובערניסקע קאנפערענצען פון אלע זיינבען אוקראינער גובערניעס און דאס וועט אויך צווישען אנדערע זא-כען פארהאנדעלט ווערען וועגען דעם ווי אזוי ווייט און ברייט אויסצונוצע-

אט די זעלטענע געלעגענהייט פונ'ם רויי-טען-קרייץ.

שנעה אויף דער פאלעסטינער אייזענבאהן.

פון קאירא איז מען מודיע אז: גרויסע שנעה-שטורמען קומען פאר אין פאלעסטינא, און די פאלעסטינא-עגיפטישע אייזענבאן פארקער האט זיך אבגעשטעלט.

—::—::—

״אדווערטייזט אין וועג״

אויסקינפטע פריי

וועהר גערען געגעבען איבער פאלגענדע ענינים: פאספארטען, ווי צו שיקען געלד אין אייראפא, ווי אזוי אריבערצופרענגען אייערע פאמיליעס, וועגען די רעכט פון לענדלארד און טענענטס, וועגען לאנד קאנטראקטען, מארטגעדזשעס, טעקסעס, און זא ווייטער.

ווי צו ווערען א בירגער

וואו און ווי אזוי צו לערנען ענגליש, סאלדאטען פענסיע, ליבערטי באנדס פאוסעס, אינשורענס און נאטוראליזיישאן.

The Free Information Bureau
Detroit Board of Commerce

קארנער וועין און לאפאיעט (2טער פלאר); שטונדען: 8:30 ביז 5:30

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניען יוגא-סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער רושענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

פאר אינוועסטארס

Mathew Finn

פרעזידענט פון פיפעלס נעשאנאל

Private Bank

— און —

פארעין עקסטשיינדזש או דזשענעראל בענקינג

82 Griswold St.

די פיפעלס נעשאנאל באנק

1842 דזשאוועף קעמפאו

האט ערעפענט

א פארין עקסטשענדזש

נאכ'ן טעגליכען קורס.

JUDGE GAINEY

HAVANA CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 2170

די מאדערנסטע הייל מעטהאדען פאר פליכעוואטע

איז עס מעגליך אז האר זאל וואקסען אויף א פליך ?

דאס איז די אייביגע פראגע

אפילו די מאנופעקטשורערס פון די בעסטע אדווערטייזטע היילמיטלען פאר האר וואקסען, זאגען, דאס די ווארצלען פון די האר זיינען טויט, ווען די מיטלען זייערע ברייננען ניט דעם געוואונשטען רעזולטאט. עס איז נאר דא איין מיטעל ווי אזוי צו מאכען אז האר זאלען וואקסען אויף א פליכעוואטען קאפ און דאס איז:

היילט זיך מיט דער נאטור

גרין'ס רעצעפטען וועלכע זיינען געמאכט פון נאטירליכע גראזען און אנדערע נאטור־זאכען זיינען אזוי ווירקזאם פאר־האר וואקסען ווי די מוטער־נאטור זעלבסט. עטליכע באהאנדלונגען וועלען אייך איבערצייגען ווי גוט עס ווירקט גרין'ס מיטעל פאר פליכעוואטע, פאר די ביי וועלכע די האר פאלט אויס און ווי אויך פאר קאפ שמערצען.

S. Green

769 בוביען סטריט — דעטראיט מיש.

מען קען שוין שיקען געלד, קליידער און מעדיקאמענטען קיין אוקראינע

דער פארבאנד פון אוק-אינער אידען פון אמעריקא האט היינט באקומען א בריעף פון זיין שליח קיין אוקראינע, מר ס. קאטץ, מר. קאטץ שרייבט אז ער האט די טעג באקומען א טעלעגראמע פון קאפענהאגענ'ער צענטראלען רעליעף קאמיטעט אין וועלכען זיי לאזען איהם וויסען אז זיי האט זיך איינגעגעבען צו שאפען פארבינדונגס מעגליכקייט מיט אוקריינע זיי האבען די מעגליכקייט איצט פאלשטענדיג פריי אריבערצושיקען קליידער, געלד און מעדיקאמענטען פאר די דארטיגע נויטבעדערפטיגע. דער אפמאך איז, אז די אלע זאכען וועלען געשיקט צו די ארטיגע קאמיטעטען פון אוקראינע און דורך זיי פארטהיילט צו די נויטבעדערפטיגע.

דער סקאנדינאווישער הילפס קאמיטעט האט אויך נעלאזט וויסען מר. ס. קאטץ אז עס וועט פאר איהם מעגליך זיין אריינצוקומען קיין אוקראינע אין די נעקסטע עטליכע טעג ארום.

מר. ס. קאטץ האט זיך באלד צוזאמענגערעדט וועגען דעם מיט דעם פרעזידענט פונ'ם אוקראינער פארבאנד אין ענגלאנד דר. יאבעלמאן, ביידע זיינען געקומען צום באשלוס אז איינער פון זיי זאל באלד אריבערפאהרען קיין קאפענהאגען און צוזאמען מיט'ן סקאנדינאווישען הילפס־קאמיטעט באט־אפ... פלע־נער וואס עס דארף אין דעם איצטיגען מאמענט געטהאן ווערען. ווי עס זעהט אויס, וועט מר. קאטץ דערווייל פאר-בלייבען עטליכע טעג אין לאנדאן, אום דארט פארטיג צו ווערען מיט זיינע פאר-זירען אום צו קענען אפפאהרען אזוי שנעל ווי מעגליך קיין קאנסטאנטינא-פעל. דערווייל וועט דר. יאבעלמאן הא-בען בעשעפטיגען די פלענער מיט'ן סקאנדינאווישען הילפס - קאמיטעט און לאזען וויסען וועגען דעם מר. קאטץ. עס ווערט געפלאנט, אז מר. קאטץ זאל באלד עפענען א ביורא אין קאנסטאנטינאפעל און פון דארט אפצושיקען אלע געלדער, קליידער און מעדיקאמענטען, וואס ווע-רען איהם צוגעשיקט ווערען דורכ'ן הילפס קאמיטעט.

דער אינטערנאציאנאלער הילפס - קא-מיטעט אין קאפענהאגען, וואס האט בא-קומען די בעווילינגג אנצופאנגען הילפס־ארבייט דורך סאוויעט רוסלאנד האט ער קלעהרט אז ער איז בערייט צו נעמען אונטער זיין שוץ א טראנספארט פון קליידער און מעדיקאמענטען פאר די פאנ-אם קרבנות.

אין קאפענהאגען ווערען איצט גע-מאכט אלע פארבערייטונגען ארויסצושי-קען א גרויסען טראנספארט פאר די אי-דישע פאראמעליקטע אין אוקראינע.

דער פארבאנד פון אוק-אינער אידען אין אמעריקא האט זיך באלד געשטעלט אין טעלעגראפישער פארבינדונג מיט קא-פענהאגען, כדי צו וויסען וואס אנצו-פאנגען אין דעם איצטיגען וויכטיגע מאמענט.

עס פארשטעהט זיך, אז עס מוז איצט אנגעפאנגען ווערען א לעבהאפטע הילפס טעטיגקייט און דער פארבאנד מאכט אלע פארברייטונגען דע-צו. בעזאנדערע האפענונגען ווערען איצט געלעגט אויף די גובערניסקע־קאנפערענצען. נאך איי-דער אט די ידיעות זיינען געקומען האט מען אין אוק-אינער פארבאנד געפיהלט, אז דער איצטיגער מאמענט דארף ניט פא-נאכלעסיגט ווערען און אז אלע אוק-ראינער אידען מוזען אנשטרענגען אלע כחות פאר דער הילפס-ארבייט פון די אומגליקליכע אוקראינער אידען פון יענ-ער זייט ים. כדי צוצוציהען דאס גאנ-צע אוקראינער אידענטהום אין אמעריקא צו דער ארבייט, האט דער פארבאנד באש-לאסען צו האבען קאנפערענצען מיט אלע לאנדסמאנשאפטען פון אלע אוק-ראינישע גובערניעס.

אויב עס איז נאך פאר אימיצען ניט קלאהר געווען די וויכטיגקייט פון דעם איצטיגען מאמענט וועט ער זיך זיכער פון דעם אינהאלט פונ'ם בריעף פון אונזער שליח איבערציינגען דערפון און וועט אנפאנגען א נייע שטארקע און פרוכט-בארע טהעטיגקייט פאר דער הילף פון די וועלכע נויטיגען זיך אזוי שטארק. די קאנפערענצען קומען פאר אין ניוארק דעם 7טען אפריל. אין דער פראווינץ ווע-לען זיי פארקומען דעם 14טען 17טען און 18טען אפריל. מען ערווארטעט, אז די וויכטיגקייט פון דער איצטיגער אר-בייט וועט צוציהען אלע לאנדסמאנשאפ-טען זיך צו בעטהייליגען אין די קאנפע-רענצען, וואו עס וועלען אויסגעארבייט ווערען פלענער פאר דער ווייטערדיגער טהעטיגקייט.

וועגען שיקען בריעף קיין אוקראינע

דער פארבאנד פון אוק-אינער אידען פון אמעריקא האט נעכטען באקומען א קייבעל פונ'ם רוסישען רויטען־קרייץ אין בערלין-שווייץ אין וועלכען מען לאזט איהם וויסען, אז עס נעהען איצט אן פער-

שקאלניק און גינעסין

שקאלניק פאר סאטיספעקשאן

צו זייערע קאסטומער

גינעסין פאר גאראנטי

א קאמפליט נייער, פרישער סטאק

נייטען סקאלניק

אונזער לעצטער 4-טער יעהרליכער סייל האט אויספאר-קויפט אונזער גאנצען סטאק, דעם פאקט געבען אפילו צו אלע מ ווידשעגטס, און דעריבער איז אונזער איצטיגער

פסח סטאק

פאלשטענדיג ניי און האט צו זיך קיין גלייכען

סעמיועל א. גינעסין

מיר האבען גלייך נאכ'ן סייל אריינבאקומען א ליין פון

מענ'ס און יאנג מענ'ס סוטס

וואו די סטיילס זענען דאס לעצטע ווארט אין ארטיסטיק טיי לארינג. איהר וועט באצויבערט ווערען פון אונזערע ספרינג מאדעלס און פעשאנס, און דערצו טאקע וועלען אייך איבער ראשען אונזערע מעסיגע פרייזען.

א ריעזיגער אויסוואהל פון

ליידיס און מענס שוהס.

אלע סטיילס וואס זענען צוציהענד פאר'ן אויג, געשמאקפול געפיטעד און זעהר מעסיג געפרייזט.

העטס

אין אלע שיידס און קאלירען.

סילק שוירטס

צו פרייזען, וואס איהר וועט אין ערגעץ ניט באקומען. יעדער ארטיקעל איז גאראנטירט. קומט היינט, לעגט ניט אפ אויף דעם לעצטען טאג.

Scholnik and Ghinasin

HASTINGS COR. WINDER

21 יאהר אין די זעלבע ביזנעס

עטאבלירט אין 1899

גאָלדמאן בראָס.

אַנאַנסירען דאס זיי האָבען ערהאַלטען טויזענדער רעסיטס
פון זייער פארשטעהער אין פוילען און גאליציען

דוד גאָלדמאן

וועלכע באשטעטיגען דעם פאקט אז טויזענדער פאמיליען
און פערזאָנען האָבען ריכטיג ערהאַלטען די געלדער גע-
שיקט דורך אונז ביי מייל אין די מאנאטען

דעצעמבער און יאַנוואר

ביי קייבעל ענדע יאנואר און אנהויב פעברואר. צוליעב די
גרויסע צאָהל רעסיטס און דאס וואקסען פון אונזערע ביז-
נעס קענען מיר ניט ארויסשיקען קיין פאסטעלקארדס צו
יעדען אינדיווידועלען קאַסטימער און מיר בעטען יעדען איי-
נעם פערזענליך צו קומען אין אונזער אפיס נאך דעם רע-
סיט.

מיר ועלען נאָר זאָגען אונזערע קאסטעמער אז אלע געלדער
געשיקט געוואָרען דורך אונז ביי מייל ביז דעם 27-[illegible]ן יאנ-
וואר און

ביי קייבעל ביז דעם 10טען מארטש

זענען שוין אויסגעצאלט געוואָרען דורך אונזער מר.

דוד גאָלדמאן

מיר פארקויפען יעצט

שיפסקארטען

פון

דאנציג, פוילען, ראטערדאם, האלאנד האוור, טריעסט, עסטרייך, פראנקרייך, קאנסטאנצא און רומעניען

פאר פאסאזשירען פון פוילען, גאליציען רומעניען און בעסא-
ראביען.

GOLDMAN BROS.

393 Hastiugs St.

FOREIGN OFFICE:

Przejazd 5, David Goldman,

Warsaw, Poland

נ. ב. מיר ראטען יעדען איינעם וואס וויל שיקען שנעלע
הילף צו זיינע פריינד, צו שיקען דאס געלט טעלעגראפיש

מעיאר קאזענס פלאן פארשפרעכט ניט

צו פארבעסערען די לאגע פון די קאר פאסאזשירען אפילו
אויב עס איז פראקטיש, וואס עס איז ניט.

די מייסטע פאסאזשירען וועלען נאך אלץ דארפען פאה-
רען מיט די ד. ין אר ליינס, וועלכע דער קאזענס פלאן פאר-
שפרעכט צו מאכען ווענינער נוצליך.

וועט די רואינע פון דער ד. ין אר סיסטעם פיהרען צו א
בעסערע לאגע פאר דעם קאר פאסאזשיר אין דעטראיט ?

וויל דען ניט דאס פובליקום בעסערע סערוויס? מאכט
ניט אויס צו וועמען די ליינס באלאנגען ?

די איצטיגע קארס פיהרען אכט הונדערט טויזענד פאסא
זשירען א טאג. דעם מעיארס פלאן קען העכסטענס פיהרען
הונדערט טויזענט פאסאזשירען מיינט דאס אז זיעבען הונ-
דערט וויזענד פאסאזשירען וועלען קריגען ערגערע סערוויס.

דעטראיטס פאדערונג איז סערוויס

פאר אלעמען, קיינעם ניט רואינירען. סערוויס, קען מען
בלויז קריגען דורך פארבעסערען די איצטיגע ליינס

ווען די וואסער סיסטעם ארבעט שלעכט, שאפען מיר זי
ניט אב נאר מיר פארבעסערען עס. ווייל מיר ווילען סערוויס.

ווען די סקוהל סיסטעם איז ניט צופרידענשטעלענד שא-
פען מיר ניט אב די סקוהלס, נאר מיר בויען צו נאך סקוהלס
מיר פארבעסערען.

ווען דער פאליס דעפארטמענט איז ניט צופרידענשטע-
לענד, שיקען מיר ניט אוועק די פאליסלייט, נאר פארגרעס-
רען זייער צאהל.

ווען דער פייער דעפארטמענט ארבעט ניט ריכטיג, צו-
שטערען מיר איהם ני, נאר פארבעסערען איהם.

וואָרום צושטערען די איצטיגע קאר סיסטעם כדי צו קרי-
גען אנדערע, ווען מיר זענען אין צווייפעל אויב די אנדערע
וועלען ארבעטען בעסער ?

Citizens' Committee on Street Railway Service

ראבינסאן-קאהענס פסח דיספליי אין וואונדערבארע ספרינג פעשאסנ

שעהנסטע סטיילס און פאבריקס

האנד אין האנד מיט מערקווירדיגע וועלוועס

ספרינג פאסאנען אין סוטס, דרעסעס און ווייסטס אין די לייטעס פיוואָרד מאטעריעלס און קאלארינגס. געטיילאָרד אין די שעהנסטע סטיילס און צו אזעלכע וועליוס וואס מיר זע־נען זיכער אז זיי זענען נאך קיינמאל נים געזעהן אין דעט־ראיט. אונזער יעהרליכער פסח און ספרינג סייל היינטיגעס יאהר האט שוין צוגעצויגען די באוואונדערונג פון דעט־ראיטס בעסערען קלאס פרויען. דער סייל האלט אן ביז פריי־טאג און פאר די לעצטע טעג אפערען מיר וואונדערבארע וועליום.

20% ארונטער פון די בעסטע סוטס

נייע ספארט קאוטס

סנעפי קאוטס פענסי אלל-וואול וועליום רעגולאר $40, אין קאפען, טען און גרין מיר אפערען אייך דיזע קאוטס צו

$25

אונזער גאנצער סטאק פון לידיס פליין טיילארד און פענסי סוטס אין פרייזען פון $39.50 ביז $150.00 איז אפען. אז איהר זאלט פון איהם זיך אויסקלייבען א לידיס סוט אויף יום טוב און איהר קריגט א דיסקאונט פון 20 פראצענט.

נייע טאפעטא דרעסעס

דער שעהנסטער אויסוואהל פון דעזיינס אין די בעסטע וועליוס צו $25 און $40 אין דיזען סייל בלויז

$25

ביעדער דזשארדזשעטס

אל סילק סעטינס, אל וואול וועליורס אין נייווי שווארץ טאופי און ברוין, אלע ליי־דינג פיטשורס פון היינטיגען סיזאן, איהר מוזט זיי זעהן!

$35

דזשארדזשעט וויסט

ניטא גענוג ווערטער אייך צו דערצעהלען וואס פאר א גרויסער בארגען דאס איז דזשענוואין דזשארדזשעט ווייסט, הענד־עמבראידערס ריכטיגע וועליו איז $9 איהרט באקומען אלע סייזער ביז 46

$5

סילק פאפלין סקוירטס

זעלטען האבען מיר נאך געהאט אזא גע־לעגנהייט צו אפערען אין סוירוש, סילק פאפלין סקוירטס רעגולאר $7 און $8 אין דיזען סייל בלויז $5

$5

נייע סוירדזש דרעסעס

אזוי לאנג ווי זיי געדויערען און זיי געהן ועהר שנעל, איהר האט פון וואס אויסצוקלייבען אייניגע סקוירטס זענען ווערט 2 מאל אזוי פיעל אייניגע רעגולאר $25 דאלארדיגע סקוירטס אין סייל בלויז $15

$15

קינדישע סוירדזש דרעסעס

אט האט איהר אן אויסגעצייכנטע גע־לעגנהייט צו קריגען דרעסעס פאר די קינדער וואס זענען שעהן און וועלען זיך טראגען גוט, פון 8 ביז 14 יאהר זיכער ווערט $15 אין סייל קויפט איהר זיי פאר $8.95

$8.95

Robinson-Cohen Co

Corner of Hastings and High

אינטעליגענטען

(פאָזורעצונג)

גלייך ביי זיין אָנקומען אין נ״ו יאָרק האָט ער זיך דערוואוסט די נייעס וועגען זיין קינד, וועלכע איז דערהאַר'געט גע־וואָרען אין דעם פייער און אויך וועגען מאשאן, וועלכע איז געשטאָרבען אין משוגעים הויז.

די נייעס האָט ער זיך דערוואוסט פון הורוויץ'ן.

הורוויץ האָט איהם צוגענומען גאַנץ קאַלט, נור ווען בעלל האָט זיך צערעדט און האָט איהם ערקלעהרט צוליעב וואָס ער איז געקומען, האָט הורוויץ געזעהן, אַז ער האָט צו טאָן מיט א קראַנקען, ניי־דערגעשלאַגענעם מענשען, וועלכער האָט געהאַט איין וואונש און זיין הארצען און

דער האַזינער וואונש קען שוין אויך ניט איינגאַנצען בעפרידינגט ווערען.

— דו ביזט געקומען תשובה טאָן צו שפּעט — האָט הורוויץ איהם א זאָג גע־געבען.

בעלל האָט זיך שרעקליך נערוועז פאַר־קרומט, איז געפאַלען אין אונמאכט און שפּעטער ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אין דער גרעסטער פערצווייפ־לונג אויסגעשריען:

— אָבער מישא אַם וועניגסטענס זאָל איך מישאַן באַגעגענען און פּיעלייכט וועל איך מיט איהם קענען פאַרברענגען מייד־ניע לעצטע טעג פאַר'ן טוידט.

— מישא איז גליקליך. ער האָט זעהר א וואוילע פרוי און איז א ערלער איינ־טעליגענטער מענש! — האָט שוין הור־וויץ איהם אָנגעהויבען טרייסטען. ער האָט אָנגעהויבען קריגען מיטלייד מיט בעלל'ן.

— איך מוז דיר אָבער לײדער זאָגען א זאַך אין מישאַן וועסטו קיין טרייסט ניט געפינען. ער האָט ניט ליעב אפילו דיין נאָמען צו דערמאָהנען, אלס פריינד וואָלט איך דיר ראטען, זאָלסט מישאַן גאָר ניט לאָזען וויסען אַז דו ביזט דאָ — האָט הורוויץ איהם א זאָג געגעבען.

— איך האָב דאָס ערוואַרטעט וויל איך פיהל אז איך האָב דאָס פאַרדינט — האָט בעלל געענטפערט — דאָך וועל איך דאָס טאָן! — האָט ער אויסגע־שריען נערוועז.

— מיין מישא'ן וויל איך זעהן און דאָן מעג ער ווענען מיר דענקען וואָס ער וויל — ער האָט זיך נערוועז צעלאַכט

— ער קען מיך אפילו ערמאָרדען!

— אונזין! דאָס וועט מישא ניט טאָן — האָט הורוויץ געענטפערט.

— דאָן איז געוויס גוט, עס איז מיר נאָך געבליבען איינער צוליעב וועמען איך אַלט יעצט געקענט נאָך לעבען א קור־צע צייט — האָט בעלל פאַרטגעזעצט. זיין שטימע איז געווען אַזוי געבראָכען ווי איינער וועלכער זיצט אין געפענגע־ניש און ערוואַרטעט צו הערען זיין לעצ־טען אורטייל וועגען טוידט און לעבען.

עס איז געוועזען שפּעט אין דער נאַכט, אין דרויסען האָט געבושעוועט א שרעקליכער שטורם און א שלאַגס רע־גען בעגלייטעט פון דונערען און בליי־צען.

בלאָך האָט זיך געלאָזט געהן צו הור־וויץ'ן נור איז פון שטורם פאַרכאַפּט גע־וואָרען אין מיטען וועג. איהם איז אויס־געקומען צו געהן אינטער'ן שטאַרט. די בליצען האָבען אויף איהם אַנגעוואָרפען א מורא און א פחד, עס איז ניט געווען וואו אָפּצושטעלען זיך און איבערוואַרטען און א דורכגעווייקטער, א איינגעמאַטער־טער האָט ער קוים זיך פאַרשלעפּט צו־הורוויץ'ן אין הויז.

ווען ע ראיז אריינגעקומען און האָט דערזעהן בעלל'ן איז ער געבליבען א פאַר־שטיינערטער.

— דו לעבסט נאָך? — און ער איז

געשטאַנען. יעדעס גליעד האָט אין איהם געציטערט ער האָט מעהר קיין וואָרט ניט געקענט אויסרעדען.

בעלל איז אויפגעשפּרונגען, האָט איהם אויסגעשטרעקט זיינע ביידע הענד, די ערהאַגערונג פון יוגענד פריינדשאַפט האָט זיך אין איהם ערוועקט און אויף'ן מאָמענט האָט ער זיין אומגליק פאַרגע־סען און האָט געוואָלט בלאָך'ן ארויפ־פאַלען אויפ'ן האַלז און איהם קושען און אויפהער.

— עס לעבען נאָך פונדעסטוועגען עטליכע אַלטע פריינד — האָט בעלל א טראכט געטאָן — פריינד מיט וועמען מען האָט אמאָל אין דער יוגענד אַזוי ליעב פאַרבראַכט.

נור בלאָך האָט אונטערגעבויגען זיין קאָפּף, האָט ניט געקענט מעהר איהם קו־קען אין די אויגען אריין.

— קענען דיר האָב איך דאָך ניט גע־זוינדיגט! — האָט בעלל פאַרצווייפעלט געטענה'ט — דיר בין איך דאָך גאָר ניט שולדיג!

— שווייג בעסער, דיינע רייד שטעכען מייך האַרץ ביז בלוט! — האָט בלאָך אויסגעשריען — דו האָסט אַזוי פיעל קרבנות אומגעבראַכט און דו דערעקסט אז דאָס אַלעס קענסטו גוט מאַכען.

(פאָרזעצונג פאָלגט)

ניט קיין פּעקעדזש נאָר א שפּייז דרעפט

פון דער אמעריקאנער סטייט בענק, דעטראָיט צו דער הואָווער אדמיניס־טראַציע וועהר הויז אין פּוילען, עסטרייך, אונגאַרן, דייטשלאַנד און טשע־כאָסלאָוואַקיע. קיינע עקסטרא טשאַרדזשעס. בלויז 10 דאָלאַר פאַר דיא שפּייז וואָס געפינט זיך איצט אין וועהרהויז פון די אויסגערעכענטע לענ־דער. אידען קריגען אנשטאט בייקאָן מאַזאָלא אדער אן אנדער פעטס וואָס איז פאַרעגי. זעהט זיך מיט מר. עלען אין דער



ORIGINAL NOT TRANSFERABLE – GOOD ONLY IF PRESENTED WITHIN 90 DAYS FROM DATE OF ISSUE

FOOD DRAFT

No. 0000

ADMINISTERED BY AND FOR THE PROFIT OF THE EUROPEAN CHILDREN'S FUND

To American Relief Administration Warehouse at Warsaw, Poland Date March 17-1920

Please deliver on presentation to Mary Polkowski

Or his properly constituted representative One Packages

Designated as letter A Hereon, being the equivalent of $ 10#

IN CASE OF EMERGENCY WE RESERVE THE RIGHT TO SUBSTITUTE COMMODITIES OF EQUAL FOOD VALUE

American Relief Administration

THE AMERICAN STATE BANK OF DETROIT

DETROIT, MICH., U.S.A.

The Gift of John Polkowski

Address Detroit, Mich Signature Fred W. Allen

THE COST OF THIS FOOD DRAFT AS SHOWN ABOVE COVERS ALL EXPENSE TO PURCHASER INCLUDING ANY BANKING CHARGES.

AMERICAN STATE BANK

115 GRISWOLD ST.
DETROIT, MICH.

אונזער מאָטאָ: צו וואָס צאָלען טייערער, ווען מ'קריגט בילינגער.

ערענטליכע באהאנדלונג

מיר גאַראַנטירען יעדען ארטיקעל אין זיין פולען ווערט.

אַלעס קריגט איהר ביי אונז

דימאַנטען

פון 25 ביז 2000 דאָלאַר

פּערל

בילינע, מיטעלמעסיגע און טייערע

זייגערס

פאַר מענער און פרויען, גאָלדענע און גאָלדגעפילטע

רינגען

פאַר מענער און פרויען, גאָלדענע, סיגנעטס יאַפּאַנעזישע, אויך מיט אַלער־ליי שטיינער

סעטינגלאַך

פאַר ליידיס, לעצטע סטיילס, ווייסע, גרינע, געלע און פּלאַטענע

קייטעלאַך

גאָלדענע, 14 קערעט, אַלע סטיילס.

The Boston Wholesale Jewelers

169 Griswold St.

3-טער פלאָר. נעהמט דעם עלעווייטאָר.

מיר פאַרקויפען ריטייל צו האָלסייל פרייזען.

געלד צוריק אויב ניט צופרידען

פרובט געהן פריהער ערגעץ אנדערש און דערנאָך קומט צו אונז

מיר גאַ־אַנטירען א פּערפעקט אויף יעדען גאַרמענט

העכסטע קוואַליטיס, לייטעסט פעשאַנס, מעסיגסטע פּרייזען

דער שעהנסטער אויסוואַהל

מענס און יונג מענס ספּרינג סוטס און טאָפּ קאָוטס

וועט איהר טרעפען דיזען סעזאָן ביי

האַלפּערן און וויענער

556 הייסטינגס סטריט קאָר. וואַטסאָן.

לכבוד פסח האָבען מיר צוגעגרייט א פּראַכטפולען גרויסען סטאָק פון

מענס קלאָדינג

די בעסטע מייק און די נייעסטע מאָדעלס, אַרטיסטישע פּעטערנס, געסטרייפטע און פענסי וואָרסטעדס און צעהנדליגע קאָלירען, דאָבל און סינגל ברעסטעד, היי וויסטעד עפעקט מיט 1 ־ 2 אדער 3 באַטאָנס און וואָס פאַר א געשמאַק איר זאָלט ניטהאָבען קענט איהר געפינען א סוט אין אונזער גרויסען סעלעקשאָן אדער א. טאָפּ קאָוט נאָך אייער וואונש

די שעהנסטע ליין פון

באָיעס סוטס

וואָס וועלען אייך שטאַרק געפעלען און צופרידענשטעלען אייער פּאַקעט.

א פּראַכטפולע ליין פון סילק, קרעפּדעשין און

מענהעטען שוירטס

איהר קריגט ביי אונז א פולע ליין פון

בוירגס העטס

אין אַלע שייפּס, קאָלירען און סטיילס.

אונזער וואַרע איז גאַראַנטירט צו יעדער צייט.

וואַרט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווען דער ראַש איז צו גרויס, קומט היינט און גיט אונז א געלעגענהייט צו געבען בעסערע סערוויס. אכטונגספול

HALPERIN & WIENER

High Grade Clothing, Hats & Mens' Furnishings

Hastings Cor. Watson

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
[...]ט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

זונטאג 28-טער מארטש 1920

א דעטראיט'ער סוחר און א יונגע קאקעטקע

פון ב. י. ג—ן

א דעטראיט'ער וואכענבלאט דערצעהלט פון אזא פאל:

איינער, א רייכער ריעל עסטייט מאן, מר. לאגאן האט חתונה געהאט צום צווייטען מאל.

זיין ערשטע פרוי איז מיט א יאהר צוריק געשטארבען. זיין עלטערע טאכטער האט איהם צוגערעדט א צווייטען מאל חתונה צו האבען, אום ער זאל נישט דארפען צעפרעגען זיין היים און אנקומען צו די קינדער.

לאגאן האט דעם זעלבען שבת געהאט אהן דער טאכטער'ס עצה.

דעמאלט ווען זי האט איהם דאס געראטהען, איז ער שוין געווען פארהייראט מיט א יונגער אלמנה.

ווען זיינע קינדער האבען זיך נאר דערוואוסט מיט וועמען ער האט חתונה געהאט, האבען זיך אלע דערווייטערט פון איהם.

וועמ איז זי, לאגאן'ס נייע פרוי וואס איז געווען נים לכבוד פאר זיינע קינדער?

קיין אויספיהרליכע באשרייבונג גיט מען נישט וועגען איהר. עס ווערט בלויז דערמאהנט, אז איהר ערשטער מאן איז באגאנגען זעלבסטמארד איבער איהר.

און דאס איז גענוג.

האט לאגאן אפגעלעבט מיט זיין נייער פרוי צוויי חדשים, אדער דריי און האט זי אנטלאפען פון היים די ווייגעטריבען.

לאגאן דערצעהלט פאלגענדעס: —

„מיין נייע ווייבעל איז זעהר א שעהנע אבער א קאקעטקע.

„זי קאקעטירט מיט איטליכען. יעדער נאר עס קומט איהר אונטער'ן האנד".

זי האט אין די עטליכע חדשים וואס לאגאן קען זי, שוין געפיהרט באקאנטשאפט מיט זיין איידים, מיט א יונגען גלח, מיט א פראפעסאר און מיט זיין שותף.

און איהר באקאנטשאפט האט זי ווייט געטריבען. זי פלעגט „אויספאהרען" מיט זיי, געהן מיט זיי צו „פארטיס", איבערהאלטונגען און זיי איינלאדען צו זיך אין הויז און אזוי ווייטער. „איך האב באלד פארשטאנען — זאגט לאגאן — אז מיין נייע ווייבעל האלט מיך בלויז אלס מאנטעל, א צודעק. אין דער נאטור איז זי א קאקעטקע וואס זוכט אלעמען געפעלען צו ווערען. וויל פון איטליכען באוואונדערט ווערען און וויל הערען קאמפלימענטען".

און וועמ ווייס וואו שטעלט זי זיך אפ אין איהר קאקעטסטווא?

א פרוי וואס ווארפט איגען אויף אלע זייטען און זוכט נאר באוואונדערער און קאמפלימענטען־מאכער, אזא פרוי איז נישט באגליבט.

און לאגאן, האט זי משלח געווען פון היים. ער וועט — זאגט ער — איהר צאהלען וויפיעל זי וויל, נאר אין היים ביי זיך וויל ער אזא פרוי נים האבען. ער איז מודה, אז ער האט זי ליעב. אבער עס איז נים פאר זיין כבוד צו האבען איטעלע וועלכע פארבינדונג מיט א נארישער און פאלשער קאקעטקע.

אזעלכע ווי לאגאן'ס ווייבעל זיינען ליידער נישט וועניג פאראן.

פרויען וואס זיינען היים נאך פרעזענטען און באוואונדערער; פרויען וואס נארען צו הערען פאלשע קאמפלימענטען און שלעפען זיך צוליעב דעם ארום מיט יעדען טיגעניכטס. אזעלכע זיינען היינט קיין זעלטענהייט נישט.

ליעבע? — זוכט ביי זיי נישט דעם דאזיגען ארטיקעל.

אזעלכע פרויען ווייסען נישט וואס ליעבע איז.

זיי זיינען צו פארדארבען, אז זיי זאלען ווייסען די אזוי אפצישאצען דעם, וואס האט זיי באמת ליעב.

זיי זיינען פאלש, זיי נארען אפ דעם מאן און מאכען פאלשע חן'דיגע צו אנדערע.

זיי זוכען אין קאלעמיטנער, שמיציגער וואסער פיש צו כאפען. זיי זוכען זיי שוין אויס די יונגע לייטלעך, לאזען זיך פון זיי טריטען, נעהמען ביי זיי מתנות, פארדרעהען זיי דעם קאפ און זוכען נאכדעם אנדערע אויס.

דאס איז דאס פסולת, דער אפפאל פון דעם פרויען געשלעכט.

ארום דעטראיטער ארגאניזאציעס

שלום (פון פירוש 5)

הרע א סך לאנדסלייט פון בוטען. לאמיר אלע זיך צוזאמענזוכען און ארומריידען, וואס מיר קענען טאן פאר אונזערע אומגליקליכע, אום צו לינדערען זייער שמערץ און צו שטילען זייער פיין.

און זאלען די צרות פון אונזערע ליידענדע שוועסטער און ברידער אין אונזער געבורטשטעטעל אונז אלעמען דא פארבינדען; לאמיר זיך צוזאמענקומען אלע ווי איינער און זעהן צו איז נאך אין אונז נים אפגעשטארבען יענער געפיהל פון רחמנות און ברית-הארציגקיים, מיט וועלכען דאס שטעטעל בוטען האט זיך קונה שם געווען אין גאנצען געגענד פון גראדנער און מינסקער גובערניים.

קומט אלע נעקסטען זונטאג 2 א זייגער בייטאג צו א מיטינג וואס וועט אפגעהאלטען ווערען אין הויז פון אהרן הארוויץ (חנה רחל'עס) 322 טהעאדאר סטריט. זאל קיין איין בוטענער וואס וואוינט אין דעטראיט נים פעהלען ביי דיזען מיטינג. די נויט איז גרויס, די לאגע איז שרעקליך און קיין איינער פון אונז טאר נים בלייבען גלייכגילטיג.

ביי די ביאליסטאקער לאנדסלייט

א מיטינג איז אבגעהאלטען געווארען ביי דעם ביאליסטאקער פעראיין פון דעטראיט לעצטען מיטוואך אווענד אין לייבאר לייסעאום. טשערמאן איז געווען מר. לעווינסאן, מ'האט פיעל פראגען ארומגערעדט, די הויפט אישו איז געווען ווי צו שאפען וואס מעהר געלד פאר די הונגערליידענדע ברידער און שוועסטער אין דער אלטער היים ביאליסטאק.

עס איז באשטימט געווארען אז נעקסטען מאנאט זאל מען ארראנזשירען א דענס אין לייבאר לייסעאום. מעהר איינצעלהייטען וועגען דיזען דענס און באל וועט באריכטעט ווערען אין דער פרעסע.

א גרויסען אינטערעס האט ארויסגערופען ביי אלע אנוועזענדע ווען דער סעקרעטאר האט אנאנסירט אז גאר אינגיכען וועט ערשיינען דער ביאליסטאקער זאמעל-בוך וועלכע עס ווערט ארויסגעגעבען פון דער ביאליסטאקער רעליעף אין אמעריקא. אחוץ די ליטעראַרישע ווערטה פון דעם זאמעל-בוך וואו אזעלכע פראמינענטע ביאליסטאקער שרייבער וועלען אנטהייל נעמען ווי: אסיפ דימאוו, ג. בובליק און פסח קאפלאן דער רעדאקטאר פון דער ביאליסטאקער צייטונג וועט דער זעלבער זאמעלבוך אויך דינען אלס דירעקטאר, פאר אלע ביאליסטאקער לאנדסלייט איבער גאנץ אמעריקא. עס איז נאך איננאנצען פארבליבען איין וואך זיך צו רעדזשיסטרירען אין דער דירעקטארי.

דער נעקסטער מיטינג איז באשטימט געווארען אויף נעקסטען מיטוואך מארטש דעם 21־טען אין דער זעלבער רום אין לייבאר לייסעאום.

שווארץ'ס פארנסווארט
רוסיש-טערקישע, עלעקטרישע באד

מיט גרויסע מארבעל וואנעס, 2 כשר'ה מקוואות, עלעקטריק קעבינעטס. גוט פאר פארקיהלונג, רומאטיזם, בראנקייטעס און פאר אלע וועלכע ווילען האבען א גוטע בלוט סירקולייששאן. זעהר א שעהנע רעסטינג רום פאר שלאפען געבעט. מיר פאררעכנען אייך די בעטען וועכענטליך פאר ריזאנייבל פרייזען. סטרקטלי ריין און גוטע בעהאנדלונג.

שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך

260 פארנסווארט צווישען הייסטינגס און סט. ענטוויין

בליימט די „סיטי"

פון ד. ה.

איניגע פונקטען וועגען מוני סיפאל אונערשיפ

אין דער איצטיגער צייט, ווען עס האנדעלט זיך אזוי אין אינזער דעטראיט מיט דעם סעטעלמענט פון דער דעטראיט יונייטעד רעילוועי, ווערט זיין זעהר אינטערעסאנט פאר די לעזער צו הערען די מיינונגען פון איינעם וואס שטייט נים אין מיטען מעיאר.

די הויפט אורזאכע איז דאס, וואס וועהלענדיג איצט שטעהט „יונייטעד" דער דעטראיט יונייטעד רעילוועי א גוטע ארגאניזירטע קאמפאני מיט מיליאנען קאפיטאל אינוועסטעד אין די דעטראיט קאר ליינס. די קאמפאניע האט נים קיין אנדער אויפגאבע ווי צו „ראנען" קארס, ביידען ליינס, ארייסציהען פראפיט, און געבען דער דעטראיטער באפעלקערונג די בעסטע סערוויס וואס עס קען געבען אונטער די אומשטענדען. מיט איינעם ווארט עס שטעהט א פאראנטווארטליכע רעספאנסיבעלע איבער דער וואך.

און אז מיר וועלען אמאל נים צופריעדען זיין, אדער אונ'אנדער אינגאבע, ווען א קאר פארשפעטיגט זיך, האבען מיר פון וועמען צו פאדערען און ערקלעהרונג.

ווען מיר האבען נים גענוג קארס און א געוויסען געגענד, ווייסען מיר אין וועמענס טהיר מען דארף אנקלאפען.

ווען עס טרעפט אז א קאנדוקטאר, אדער א מאטארמאן באהאנדעלט אונז נים זעהר העפליך, דארפען מיר בלויז איהם רעפארטען צו דער קאר קאמפאני און איהר קענט זיין זיכער, אז די קאמפאני וועט נעמען עקשען. זי וועט האנדלען שנעל, און דער באליידיגטער וועט קריגען סאטיספעקשאן. גאנץ אנדערש איז דאס ווען די „סיטי" האט צו זאגען איבער דער פארוואלטונג.

וואָרום וועמ איז די סיטי?

די סיטי איז אין די מייסטע פעלע א הויפעל פאליטישענס, וואס האבען זייער אויפגאבע צו זיצען רייטענדיג אויף די בירגער און טאן זאכען וואס עס איז בעסער און באקוועמער פאר זיי, אבער קיינמאל נים פאר דער שטאדט.

האט איהר אמאל באמערקט וואס פאליטישענס זאגען צו די וואוטערס פאר אן עלעקשאן?

גאלדענע גליקען, זאגען זיי צו. אבער ווען דער עלעקשאן געהט פאראיבער ווערען די גאלדענע גליקען פארשוואונדען ווי א זיסער חלום.

דעם בירגער שטעלט מען ארויס א צינג.

אין דער איצטיגער פראגע וועגען דער די. יו. אר. און מוניסיפאל אונערשיפ זוכען אויך א גרופע פאליטישענס צו בויען פאר זיך א פאליטישע קאריערע אין ארייננצושלעפען די שטאדט אין א גרויסען טראבעל. ווארום אזוי שנעל ווי דעטראיט זאל איבערנעהמען די קאר ליינס וועט מוזען קומען א רעאקציע אין דער אנטוויקלונג פון די שטאדטישע אינדוסטריעס.

אזוי אינטערעסירט זיך יעדער איינער זיין אפגעשפארטע דאלאר און זיין פריוואט ביזנעס, אדער ער קויפט זיך א היים א. ז. וו. זאל אבער די שטאדט דארפען איבערנעהמען די ליינס, דאן וועט זיך אנהויבען א סדרה מיט באנדס די „סיטי" האט נים קיין געלד.

דער דעטראיטער בירגער וועט דארפען קויפען באנדס, ער וועט מוזען ארויס נעהמען דאס געלד פון זיין אייגענער קעשענע אויף צו „ראנען" די קאר ליינס.

און אז ער וועט נים זיין צופריעדען, וועט איהם אויך נים העלפען. אלעס וואס מ'וועט איהם ענטפערען וועט זיין: בליימ די „סיטי".

עס וועט נים ליידען דער פאליטישען וואס שרייט יעצט אזוי הויך און וואס לעבט איין די וועלט, נאר עס וועט ליידען דער מיטעלמאן און ארבייטער, איהר און איך וועלען ליידען און עס וועט נים זיין אפילו פאר וועמען צו באקלאגען זיך.

און איך ווייל סיסטעם. סיסטעם קריגט מען ביים ארגאניזירטען קאפיטאל.

איך וויל סערוויס.

סערוויס גיט א פריוואטע קאמפאני וואס גרינדעט זיך בלויז צוליעב דעם אום צו געבען סערוויס, ווייל זי האט נים קיין אנדער אויפגאבע אין איהרע ביזנעס.

איך וויל מעהר קארס. א פריוואטע קאמפאניע בויעט אלע מאהל נייע קארס.

איך וויל קאנדוקטארען און מאטארמען וואס זאלען וויסען אז זיי זענען באשעפטיגט ביי א קאמפאניע צו וועמען דער פאסאזשיר קען „קיקען" און דער קאנדוקטאר און דער מאטארמאן זאל וויסען, אז ער מוז זיך באהיגען.

דאס קען איך קריגען ביי א פריוואטע קא. און קען דאס אבער קיינמאל נים קריגען פון א „סיטי".

„סיטי" אין דיזען רעספעקט איז א סינאנים פאר פאליטישענס וואס לעבען אויף דעם חשבון פון דער באפעלקערונג.

„סיטי" איז א פאליטישען וואס בויט א קאריערע.

„סיטי" איז אן אינסטיטושאן וואס עבערט אלע מאהל טעקסעס.

איך צאהל גענוג טעקסעס, און קען מעהר נים אפארדען צו צאהלען.

איך וויל א קאמפאניע וואס זאל העלפען אנטוויקלען אינדוסטריעס און איך וויל נים קיין „סיטי" וואס זאל קאליעטשען ביזנעס.

*)

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

נים אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה נים צו זאגען „סינסינעטי מצה". נאר אויסדריקליך פארערען

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע נים נעהמען, און אז אייך קען מען נים נארען.

ריזיקירט נים מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

די ב. מאנישעוויטץ קא.
סינסינעטי, אהייא

ניו-יארק אפיס:
1 יוניאן סקווער

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
etroit Office 255 Napoleon St

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

מיר דארפען

לעאנארד וואוד

ווייל וואוד ווייסט וואס מיר דארפען און האט צוגעזאגט צו זעהן אז מיר זאלען דאס קריגען.

וואוד וועט זעהן, אז מיר זאלען קריגען אן אדמיניסטראציאן אין וואשינגטאן, וועלכע וועט ווייניגער ריידען און טוהן מעהר ארבייט; וועלכע וועט זיין צוזאמענגעשטעלט פון די שטארקסטע מענשען וועלכע מ'קען קריגען, וועט זיי געבען אויטאריטעט, וועט זיי האלטען פאראנטווארטליך, און זיי געבען דעם פארדיענטען קרעדיט; וועלכע וועט זיצען אין די פאמיליע ראטהען פון די נאציאנען מיט א ניכטערען אויג פאר פריעדען, מיט א פריינדליכען געדאנק צו אלעמען, און מיט א פעהיגען פויסט איבער א קאמף וועט זיין אונפערמיידליך; וועלכע וועט טוהן אלעס, וואס א רעגירונג קען טוהן צו העלפען הערליכע געשעפטען, קליינע אדער גרויסע, אין לאנד אדער אין אויסלאנד, זיך צו פארגרעסערען;

וואוד וועט זעהן, אז אמעריקאנער זאלען קריגען א „סקווער דיעל" פון אמעריקא.

דאס איז א צוזאג אונטער וועלכען עס שטעהען 35 יאהר פון סאלידע אויספיהרונגס פעהיגקייטען. וואוד איז נים קיין עקספערימענט. ער האט אלע זיינע פארשפרעכען שטענדיג גוט געמאכט.

לעאנארד וואוד
דער אלל-אמעריקאנער

דיזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט פון דער לעאנארד וואוד ליגע פון מישיגאן, פ. מ. אלגער פרעז., וו. ס. פייפער וו. פרעז., ס. א. ווייגער, סעק. און טרעזשורער.

APR 1 1920

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 3c. DETROIT, MICH., Monday, March 29th 1920 Vol. 2, No 40 מאנטאג, מארטש 29-טער 1920

ענגלאנד קריגט פראָ-טעקטאראט איבער טערקיי

פאריז, מארטש 28 — לויט א באַריכט, וואס די היגע צייטונג „עקלייר" דרוקט היינט, האט ענגלאנד פּראקלא-מירט איהר פראטעקטאראט איבער טער-קיי.

ווי די צייטונג באהויפּטעט, האט דער נייער גרויס-וויזיר, דאמאד פעריד, צוגע-שטימט צום ענגלישען פּראטעקטאראט און ער האט צוגעזאגט צו העלפען ענג-לאנד צו באקומען די העגעמאניע (איי-בערהערשאפט) איבער דער גאנצער מו-האמעדאנישער וועלט.

ער איז שוין זיינס אפגעקומען

משארלס פענטאן איז ניט סתם א שכור, וואס כאפּט א פּעשעל וויהיסקי און טרינקט, ביי איהם געהט עס צו גאנץ אנדערש.

אט ווי אזוי פענטאן מאכט א שנעפּ-סעל:

„איך האב — האט ער דערצעהלט לעצטען שבת אין פּאליס-קאורט — גע-נומען רעיזען וויהיסקי, בעי ראם, דזשונ-פער דזשין, לעמאן עקסטראקט קענעדיען וויהיסקי און האר טאניק און — ענדליך איז מיר געלונגען שכור צו ווערען"..

„וועלל, האט דזשאדזש סטיין ער-קלעהרט, אויב עס נעהמט דיר אזוי פיעל ביז דו שכור'סט זיך איין, איז אסמן, אז דו ביסט שוין דיינס אפּגעקומען, געה און זיי וויסען, אז ס'לוינט זיך ניט אזוי פיעל צו ארבייטען אויף אנשכור'ן זיך, ווייל א צווייטען מאל וועט עס דיר קאס-טען נאך טייערער"...

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

אין די אמעריקאנער אידישע צענ-טערן קלאפּט מען איצט טרעוואגא וועגען אידישען קאנגרעס. און אונזערע גרוי-סע פּערזענליכקייטען זיינען באגייסטערט וועגען דער טרעוואגא. אבער וואס זאגט דער ברייטער עולם — וועגען דעם לייע-נען פּי. י. גאלדשטיין'ס מארגענדיגען עריטאריעל.

דעטראיט'ער צייטונגען וועגען דע-טראיט'ער עניגים — זעהר אינטערע-סאנטע עטליכע פראגען וואס זיינען נגע יעדען דעטראיטער איינוואהנער ווערען באשפּראכען מארגען אין דיזער אפּטיי-לונג פון ד' ראוויטש.

עס האט געקאכט אין דער אידישער וועלט און אלע לאגערען מכח דעם אר-טיקעל פון דעם ענגלישען מיניסטער ווינסטאן טשירטשיל, מיט'ן נאמען „ציוניזם קעגען באלשעוויזם". צי איהר זענט יא, אדער נישט איינשטימיג מיט דעם מיניסטער, אבער עס איז ווערט צו לייענען זיין ארטיקעל.

א זעהר איינדרוקספאלע סקיצע פון דער אידישער נאוועליסטין מרים קאר-פּילאוו.

לייענט אלע טאג די לעצטע פּיידזש פון „וועג".

ארבייטער ראטען דייטשער ציוויל-ער קאמפף זאל אויפהערען

דוסעלדארף, מארטש 28 — די עק-זעקוטיווע פון דער ארבייטער קאנפע-רענץ האט געקאזט וויסען, דאס א טע-לעגראמע איז ארויסגעשיקט געווארען קיין בערלין צו דער רעגיערונג, פארשלא-גענדיג דאס דער בלוטיגער ציווילער קאמפף איבער גאנץ דייטשלאנד זאל אויפהערען, די ארבייטער זאלען אבער ניט אפּגעבען די געוועהר עס ווערט אויך פארגעשלאגען אין דער טעלעגראמע, דאס ביידע צדדים זאלען ארויסציהען זייערע טרופּען, איבערלאזענדיג א נייט-ראלען קרייז. קיין אפּמאך איז דערוויל ניט געמאכט געווארען.

בערלין, מארטש 28 — די שטאדט וועזעל וועגענדיג אפּגעשניטען פון דער ארמיגער געלט. האט דער דארטיגער רעגיערונגס גארניזאן ארויסגעשיקט א לופטשיף קיין בערלין איבערצוגעבען עבערטס קאבינעט די ארטיגע לאגע.

לויט די באריכטען אין די צייטונגען, האט זיך די סיטואציע אין וועזעל ניט אומגעביטען. די ארבייטער מאכען ניט קיין פּרואוון צו אטאקירען די שטאט.

א באדייטענדער איבערפאל אויף פּרעמדע בירגער האט די היגע פּאליציי געמאכט נעכטען פריה-מארגענס. די אלע, וועלכע האבען ניט געמעלדעט צו דער פּאליציי וועגען זייער וואוינען אין בער-לין, זענען ארעסטירט געווארען.

„די פרייהייט" זאגט, אז דער איי-בערפאל איז געמאכט געווארען הויפּט-זעכליך אויף רוסען, און אז די רעגיערונג האט בדעה צו ארעסטירען אלע רוסישע בירגער, וועלכע געפינען זיך אין דער דייטשער הויפּט שטאדט.

האג, מארטש 27 — לויט דער עצה פון די פיהרער פון די קאמוניסטען און אומאפּהענגיגע סאציאליסטען אין בער-לין, דאס דער ציווילער קאמף זאל אויפ-הערען, האבען די ארבייטער ראטען אין דעם ריהר געגענד נאכאמאל באשטעטיגט דעם פּענשטילשטאנד מיט די רעגיע-רונגס טרופּען און זיי מאכען פּאדזוכען צו איבערצייגען די קעמפענדע ארביי-טער ארגאניזאציאנען, זיי זאלען אננעה-מען די פּונקטען פון ואפענשטילשטאנד.

300 מענשען פעהלען אויס אין פּאליס און פייער דעפּארטמענטס

350 מענשען פעהלען אין פּאליס און פיער בעפּארטמענטס

דער טרעזשורער פון דער סטייט אר-גאניזיישאן, מר. הערמאן אובערלין האט רעדענדיג פרייטאג אויף א מיטינג אין מעטראפּאליטאן קלאב ערקלעהרט, אז מעהר ווי 350 מענשען פעהלען אין דיא פּאליס און פייער דעפּארטמענטס אלס רעזולטאט פון צו קליינע ווידזשעס וואס ווערען געצאהלט צו פּאליס און פייער-לייט.

ער האט אויך באהויפּטעט, אז צוליעב דעם מאנגעל אין פּאליסלייט האט זיך לעצטענס די צאהל פארברעכער אין שטאדט פארגרעסערט.

'עס זיינען — האט ער געזאגט — ניטא גענוג מענער אין פּאליס דעפּארט-מענט צו פארטיידיגען די בירגער פון שטאט און דער מאנגעל וועט אנהאלטען אזוי לאנג ביז מיר וועלען זיך ארומזעהן אז עס איז די העכסטע צייט צו צאהלען אן אנשטענדיגען ווידזש צו פּאליסלייט און פּייערלייט".

מר. אובערלין האט אויפגעוויזען, אז יעדע פעקטארי אין שטאדט צאהלט גרע-סערע ווידזשעס ווי עס קריגט א פּאליס-מאן אדער א פייערמאן.

עס האבען גערעדט אנדערע רעדנער און אלע האבען געווארענט, אז די שטאט זאל וואס גיכער זעהן „רעיזען" די ווידזשעס פון פּאליס און פייערלייט, ווייל עס איז דא א געפאהר, אז די וואס שטעהן נאך זאלען אויך ביסלעכווייז אויפגעבען זייערע דזשאבס.

האט געוואלט מיאוס מאכען זיין שעהנע פרוי

דער מאן פון ריטא קאסטעלא, די באַ-וואוסטע דעטראיטער זינגערין און טענ-צערין, איז ניט שטארק צופרידען וואס זיין פרוי איז אזא „אטרעקשאן" פאר פרעמדע מענער. האט ער נעכטען גאנץ פריה, ווי באשענקט געבען זייער היים 731 לעמי עוו., נאכדעם ווי זי האט געענדיגט טאנצען אין קאדילאק האטעל און זי שטארק געשלאגען.

קאסטעלא איז יעצט ארעסטירט אונ-טער א קלאגע פון פארברעכערישער באַ-פאלונג.

עס ווערט דערצעהלט אז קאסטעלא האט פרייטאג א גאנצען טאג זיך גע-קריגט מיט זיין פרוי, ווייל ער וויל זי זאל מיט איהם פאהרען קיין ענגלאנד און זי וויל צו דער רייזע ניט איינשטימען.

מען דענקט, אז קאסטעלא האט גע-וואלט מיט זיין טאט פארמיאוסען זיין פרוי, אום צו האבען אן איהר א נקמה.

קושען זיך ביי דער שיין פון דער זון איז שעדליך, איז די לעצטע ענדעקונג פון א דאקטאר.

Public Library 42nd and 5th Ave.

ניויארק, מא[illegible] 2[illegible] — קושען זיך איז [illegible] כל זמן די ליפען [illegible] סטעריליזירט פון פרישע [illegible]

אט אזא מין ענדעקונג האט געמאכט א געוויסער דר. ס. בראון, פון סארנאק לייק, וועלכער האט'אין א רעדע פאר דער סטייט מעדיקאל סאסייעטי ערקלעהרט, אז ס'איז א גוטע זאך, וואס מעהרסטענ-טייל קושען זיך מענשען ביינאכט. ווען חלילה, די שעה און די רגע זאל ניט זיין, מען זאל זיך אנהויבען קושען ביי-טאג, געהט אין איין מינוט אונטער די מענשליכע ראסע און — פטור אן עסק.

דר. בראון האט ערקלעהרט, אז טו-בערקולאזיס קען דורך א קוש איבערגע-געבען ווערען איינס און צוויי, ווען דאס ווערט געטאן אין מיטען טאג, אבער ווען א קוש ווערט געגעבען ביינאכט, זיינען שוין די ליפען אזוי אנטי-צעפּטיש, אז זיי קענען קיין קראנקהייט ניט איבערגע-בען.

אלזא ענדליך איז, מיט דר. בראונ'ס הילף, די מענשהייט געראטעוועט!...

איז זיך מודה אין באגעהן א מארד.

פּיטער דזשאנסאן, 37 יאהר אלט, האט פרייטאג זיך מודה געווען, אז ער האט דעם 1-טען פעברואר ערמארדעט דזשאהן מארטין, נאך א קריג וואס זיי האבען געהאט אין 120 סט. ענטוויין סטריט. דזשאנסאן זאגט, אז ער האט ער-מארדעט מארטינ'ען מיט א ראזירמע-סער.

סאוועט-ארק גרייט פאר דעטראיטער ראדיקאלען

פון צוויי טעלעגראמען, וואס הויפּט אימיגרייששאן אפיסער פּרענטיס האט גע-קראגען פון וואשינגטאן לעצטען שבת, איז צו זעהן, אז די ערשטע צום דעפּאר-טירט ווערען פון די ארעסטירטע ראדי-קאלען אין פארט וועין, וועלען זיין „אנארכיסטען" און די וואס קומען פון פוילען.

מר. פּרענטיס האט געלאזט וויסען אלע באטרעפענדע פּערזאנען, זיי זאלען זאפארט זיך פארטיג מאכען צו דער רייזע. אין פאל אימיצער האט ביזנעס צו פארקויפען, דארף ער לויט'ן באפעהל, דאס טאן זאפארט.

„יעדע שטונדע ערווארט איך אינ-סטרוקציעס פון וואשינגטאן — האט מר. פּרענטיס געזאגט — אפּצושיקען אין אייראפּא א „פּארטי". אבער אזוי ווי די ביז איצטיגע אינסטרוקציעס זענען ניט קלאהר, וואס אנבעלאנגט דער צייט, ווען די שיף וועט אפּפאהרען, דארום קען איך ניט זאגען באשטימט דעם טאג, ווען די פרעמדע וועלען פון דאנען אפּפאה-רען.

5 אינגעלאך ארעסטירט אלס האלד-אפּ-ניקעס

פינף אינגלאך, צווישען 12 און 15 יאהר אלט, זיינען לעצטען פרייטאג ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון רויבעריי.

ארום 4.30 פרייטאג ביי טאג, זיינען דריי באיעס באפאלען פּוירסי מעריט, 11 יאהר אלט און פון איהם צורויבט 25 סענט. די דריי באיעס, וועלכע זיינען באלד ארעסטירט געווארען זיינען די פאלגענדע:

דזשיימס סמיטה, 129 גיבסאן סטריט; ביילאק, 625 6-טע סטריט און ראבערט דזשאהנסאן, 91 בעגלי עוו. אלע דריי זיינען 12 יאהר אלט.

מיט א שטונדע שפּעטער האבען נאך צוויי באיעס געמאכט א „האלד אפּ" אויף דזשארדזש מעקינטייר, 12 יאהר אלט, אויך די צוויי באיעס זיינען ארעסטירט, זיי-ערע נעמען און אדרעסען זיינען: עלמער סמיטה, 15 יאהר אלט, 466 לאנסינג עוו. און יידושין גילבערט, 13 יאהר אלט, 601 סקאטען עוו.

אלע פינף באיעס זיינען אוועקגעשיקט געווארען אין דער דזשואווענייל דעט-ענשאן האום.

דזשעניטאר פון פלינט באשול-דיגט אין גנב'ענען $2.800

פלינט, מיש., מארטש 26 — פרענק וואונג, א דזשעניטאר פון א היגער אוי-טאמאביל ברענטש, איז ארעסטירט גע-ווארען אויף דער קלאגע פון גנב'ענען $2.800 פון דער פירמע.

די דאזיגע סומע האט דער דזשעני-טאר ניט גענגב'עט אויף איין מאל, נאר ביסלעכווייז. עס ווייזט זיך יעצט ארויס, אז ער האט פאר די לעצטע צוויי מאנא-טען געהאלטען אין איין גנב'ענען, ביז עס האט זיך אנגעקליבען די איבענדער-מאנטע סומע.

די. יו. אר. פיהרט זיך אויף אונגע-זעצליך, זאגט קאזענס

רעדענדיג לעצטען פרייטאג פאר דער גוידלס פאטריאטיק ליגע, האט מעיאר קאזענס ווידער אמאל באשולדיגט דעם קאר קאמפּאניע, אז זי פיהרט זיך אויף אומגעזעצליך, און אז זי וויל איינפאך ניט אייפּפאלגען די געזעצען פון דער שטאדט דעטראיט. די איינציגע זאך וואס עס בלייבט צו טאן, איז אין גאנצען צו פארטרייבען דער קאר קאמפּאניע פון דעטראיט.

„קען געמאכט ווערען א צופריעדענ-שטעלענדע אראנזשמענט מיט דער קאמ-פּאניע פאר אן אויסבייטונג פון טרענס-פערס, אויב די די. יו. אר. האלט ניט קיין אפּמאך? — האט איינע פון דיא צוהערער געפרעגט.

„ווען אן אינדוסטריעלע ארגאניזא-ציע — האט דער מעיאר געענטפערט — הייסט איהרען אן ארבייטער עפּעס טאן און ער פאלגט ניט, איז באוואוסט, אז דער באס שיקט איהם אוועק. אט אזוי וועלען מיר טאן מיט דער קאמפּאניע, ווען די שטאדט וועט זיין באס נאך דעם 15טען אפּריל. וועט די שטאדט געבען אר-דערס צו דער קאר קאמפּאניע און אין פאל זי אנטזאגט זיך איינצופאלגען, וועט זי פארטריבען ווערען אין גאנצען פון די דעטראיטער גאסען".

„אבער ווער פינאנסירט אייער פּראָ-פּאגאנדא?" — האט א צווייטע פרוי זיך איינגעשטעלט און געפרעגט.

„דער מעיאר" — האט קאזענס גע-ענטפערט.

מענעדזשער פון די יו. אר. וויל ווי-סען ווער פינאנסירט מעיארס קאמפּיין.

דער אסיסטענט דזשענעראל מענעד-זשער פון דער די. יו אר, מר. ע. דוש. בורדיק איז לעצטען פרייטאג ארויס מיט א טשאלענדזש צו מעיאר קאזענס, ער זאל איהם אפּגעבען א חשבון ווער עס פינאנסירט דעם ריזיגען קאמפּיין, וואס דער מעיאר פיהרט אן פאר זיין „פּיעס-מייל" קאר פּלאן. דעם ראזיגען טשא-לענדזש האט מר. בורדיק געמאכט צוזא-מען מיט א סטייטמענט, אין וועלכען ער לייקענט אפּ דעם מעיארס באשולדיגונג, אז גרויסע סומען געלט ווערען אריינגע-שיקט פון אויסער דעטראיט צו פינאנ-סירען דעם קאמפּיין פון דער די יו אר.

„דעם מעיארס באשולדיגונג — ווערט געזאגט אינ'ם סטייטמענט — איז ניט אמת. די די יו אר צאהלט איהרע איי-גענע עקספּענסעס, און קיין אנדערער פיהרט ניט איהרע געשעפטען.

„פאר וואס קומט בעסער דער מעיאר ניט ארויס מיט אן ערקלעהרונג, ווער עס פינאנסירט זיין „פּיעס-מיעל" קאמפּיין? ווערט וויטער געזאגט אין זיין סטייט-מענט — „ער האט זיך באנוצט מיט שטאדטישע איינגענטום פאר דער פּובלי-צירונג פון זיינע סאמפּעל באלאטס; ער באנוצט די שטאדט אנגעשטעלטע צו פארטיילען זיין ליטעראטור און שיקט עם ארום אין שטאטישע אויטאמאבילס.

„און ווער צאהלט פאר די גרויסע מאפּס, וואס זיינען אנגעקלעפּט אויף די עפענטליכע „בילבאהרדס"? ווער צאהלט פאר די טויזענטער סירקולארען וואס זיינען איללוסטרירט מיט מאפּס? ווער צאהלט די גרויסע סומען פאר די ספּע-ציעלע פילמס, וואס ווערען געוויזען אין איינינע מואגינג פּיקטשור פלעצער?"

צו דער מעיאר וועט געבען אן ענט-פער אויף דיעזע פראגען, דאס בלייבט צו זעהן.

טעראר הערשט אין גאנץ איירלאנד

דובלין, מארטש 27 — ווי עס זעהט אויס, שטעלט איירלאנד היינט צו טאג מיט זיך פאר די סצענע פון א טויטלי-כער „ווענדעטא".

די פיהרער פון די שין-פיינער ערק-לעהרען, דאס די הערשאפט פון טעראר-ריזום איז איינגעפיהרט געווארען, פון איין זייט, דורך די עקסטרעמע מיטגליע-דער פון זייער אייגענע רייהען און, פון דער אנדער זייט, דורך די אנהענגער פון דער ענגלישער רעגיערונג, פּאליציי און מיליטערישער מאכט.

היינט ביי טאג איז דזשיימס מעקאר-טי, א שין-פיין פיהרער אין טוירלים דער-הרג'עט געווארען פון באוואפענטע פער-זאנען, וואס האבען זיך אריינגעריסען ביי איהם אין הויז אין מיטען נאכט.

פארזוכטיגע מיטלע ווערען אנגענומען צו פארהיטען, דאס די איירישע נאציא-נאליראדיקאלען זאלען ניט נעהמען נקמה פאר דעם טויט פון זייער פיהרער פון די ענגלישע בעאמטע, ווייל ווי איניגע שין פיינער האבען ערקלעהרט, דאס דער טויט פון זייער-מיטגליעדער וועט ברענ-גען טויט צו די ענגלישע אונטערדריקער.

לעצטען מיטוואך איז אן אומבאקאנ-טער מענש דער'הרג'עט געווארען אויף איינער פון דובלינס גאסען. זיין קער-פער איז נאך ניט באגראבען געווארען און קיינער האט איהם נאך דערוויל ניט דערקענט. מען זאגט, דאס דער ערמארדע-טער איז געווען א געהיימער אגענט פון דער ענגלישער רעגירונג.

נעכטען האט פאסירט א שודערליכער מארד. ווען דער 70 יאהריגער ריכטער עלען בעל, איז ארויסגעשלעפּט געווארען פון א קאר פון 4 פארמאסקירטע און 8 ניט פארמאסקירטע און דערשאסען גע-ווארען אויף טויט.

די שנעלע נקמה פאר'ן טויט פון דעם ענגלישער ריכטער, דענקט מען, איז גע-ווען דער שרעקליכער מארד פון מעקאר-טי, דעם שין-פיינער פון טוירלים.

איינינע באשולדיגען, דאס די אנטי-שין-פיינער גרופּע ווערט אונטערשטיצט פון דער פּאליציי און דאס צווישען דיע-זער גרופּע געפינען זיך פיעל פּאליציי-לייט. גאנץ איירלאנד איז איבערצייגט, דאס דער לארד-מעיאר פון קארק, מעק-טוירען איז דער'הרג'עט געווארען פון פּאליציי.

מר. באנאר לאו האט אין ענגלישען פּארלאמענט איבערגעגעבען די שטעלונג פון דער רעגירונג צו דער איצטיגער לאגע אין איירלאנד. נאכדם ווי ער האט דערצעהלט וועגען מארד פון ריכטער בעל האט ער געזאגט, אז די רעגיערונג איז ענטשלאסען אנצונעהמען די שטרענגס-טע מיטלען, אום צו ברענגען ארדנונג אין איירלאנד.

„קיינע הונגער סטרייקס — האט מר. לאו געזאגט — וועלען מעהר ניט העל-פען די שין-פיינער און זייערע מיטגליעדען צו ווערען באפרייט. מיר וועלען זיי לאָ-זען אויסשטארבען פון הונגער, איידער צו באפרייען זיי".

באריכטען גיבען איבער, דאס דער צושטאנד פון אלדערמאן אבריען, דעם פיהרער פון די איירישע ארבייטער יוני-אנס, איז א קריטישער, צוליעב דעם הונ-גער סטרייק, וואס ער האט ערקלעהרט אין א טורמע, וואו די ענגלישע רעגירונג האלט איהם פארשפּארט. אויב א'בריען וועט שטארבען, — זאגען די שין-פיי-נער — דאן וועט ענגלאנד באצאהלען טייער פאר זיין טויט.

מאנטאג דארף דער ענגלישער פּארלא-מענט ווידער באטראכטען דער רעגיע-רונגס נייעם ביל פון „האום רול" פאר איירלאנד.

די שין-פיינער זאגען, דאס איר-לאנד'ס פרייהייט ווערט געוואונען דורך [illegible]; די ענגלישע בעאמטע ענטפערען אויף דעם, דאס דער טעראר פון די שין-פיינער באווייזט, אז איירלאנד איז ניט פעהיג צו רעגיערען זיך זעלבסט.

5 מיליאן דאלאר געפונען אין קארידאר פון עקספרעס צוג.

בוכארעסט, מארטש 28. — 5 מיליאן דאלאר אין אמעריקאנער בילס זענען גע-פונען געווארען אין א זאק, וואס די בא-דיענטע פון דעם עקספרעס-צוג „סימפּלאן" האבען באמערקט אין איינעם פון די קא-רידארס, דאס געלט איז קאנפיסקירט געווארען פון דער רומענישער רעגירונג אויף דער סטאנציע טעמעסוואר, לעבען רומעניש-אונגארישער גרעניץ. דער איי-גענטימער פון דעם געלט האט זיך דער-ווייל ניט אפּגערופען; מ'גלויבט אבער, דאס אין איינינע טעג וועט זיך אויסגע-פונען ווערען, וועמעס פארמעגען דאס איז געווען.

ווי די באאמטע דענקען, האט דער באלעבאס פון די 5 מיליאן דאלאר גע-וועלט אויף זיין וועג קיין ענגלאנד, פון וואנעט ער האט געדארפט אפּפאהרען קיין אמעריקא.

באנדיט גיט צוויי רעוואלווער-סיגנאלען אלס אנזאג אז ער קומט.

אויסשיסענדיג צוויי מאל פון זיין רע-וואלווער אלס ווארנונג, אז מען זאל זיך ניט אריינמישען, האט פרייטאג פריה א באנדיט זיך אריינגעריסען אין דער אטלאנטיק און פּאסיפיק טיי סטאר, 679 מאנראע עוו., ארויסגענומען $40 פון קעש רעדזשיסטער און אנטלאפען.

אין דעטראיטער קאורטס

דזשאזעף מאסטעלינא און זיין פּלו-נית'טע, זיינען לעצטען פרייטאג אין פע-דעראל קאורט אינדייטעד געווארען פון א גרענד דזשורי אויף דער קלאגע פון אנפיהרען א „ווייסע שקלאפען" באנדעל.

די הויפּט קלאגע נעגען דיזער פאַ-רעל איז, אז זיי האבען פארפיהרט א קליין מיידעל, פון יארק טאון אהער קיין דעטראיט און האבען זי דא געצוואונגען אנצופאנגען א לעבען פון פּראסטיטוציע.

פעדעראלע באאמטע ערקלעהרען, אז מר. און מרס. מאסטעלינא האבען אנ-געפיהרט א „ווייסע שקלאפען" האנדעל פאר יאהרען.

אויף אן ענליכער קלאגע איז פון דער זעלבער דזשורי אנגעקלאגט געווארען א געוויסער סאמיועל ב. קארלי

צו 15 יאהר געהייראט; צו 18 יאהר זיך געגט

נארא טאקא פאסולא, א וואונדער שעהנע איטאליענערקע, איז איצט אין גאנצען 18 יאהר אלט און האט שוין בא-וויזען צו חתונה האבען און דריי יאהר פיהלען דעם טעם פון פארהייראטען לע-בען, און יעצט איז זי שוין מיט מזל א גרושה זינט לעצטען פרייטאג.

ארא האט דערצעהלט, אז די גאנצע צייט וואס זי האט געלעבט מיט פאסור לא'ן האט ער זי געהאלטען אין איין שלא-גען מיט א סטראפּ און פלעגט איהר ווארפען די דישעס אין קאפּ אריין.

„ביסטו געגאנגען מיט דיין מאן ארויס נעהמען די מערידזש לייסענס? — האט דער דזשאדזש געפרעגט.

„יא" האט זי געענטפערט.

„האסטו געזאגט דעם קלוירק דיינע אמת'ע יאהרען?

„איך ווייס ניט".

דער דזשאדזש האט א ווייל נעטראכט און — ארויסגעגעבען א גט.

בריעוועלאך פון א ווייב'ס „פּאראהערער קומען א מאן צו-נייז אויף ארויסקריגען א גט

מיט א גאנצען „לאנטש" ליעבעס-בריעוועלאך איז שאנעס, ב. בונס געקו-מען לעצטע וואך אין סירקוט קאורט בע-טען א גט פאר זיין פלונית'טע.

ער האט דערצעהלט, אז זיין ווייבעל האט זיך לעצטענס צופיעל געגושען חבר'ן מיט א געליבטען, וועלכען זי האט ניט נאר פארזארגט מיט א חיים, נאר האט אויך פאר איהם ארויסגעזוכט א דזשאב ביי דער הארן מאטארס קאמ-פּאניע און זיך פריי און אפען מיט איהם געליובקעט.

בונס האט אויך דערצעהלט, אז דער געליבטער פלעגט גאנץ אפט קומען העל-פען זיין פלונית'טע אין איהר קיכען-ארבייט. ער האט געגען דעם פּראטעס-טירט, אבער זיין פלונית'טע האט איהם געגעבען צו פארשטעהן, אז אויב עס גע-פעהלט איהם ניט, האט ער א ברירה.

האסטו לעצטענס געזעהן יענעם מאן? — האט דער דזשאדזש געפרעגט בונס'ן

„איך האב איהם לעצטענס צופעליג געטראפען אין א „קאפעע", האט ער גע-ענטפערט.

„עס קען לייכט מעגליך זיין, אז אין גיכען זאלסטו איהם קענען זעהן נאך א מאל אין קאונטי קלוירקס אפיס, וואו מען נעהמט ארויס מערידזש לייסענס"... — האט דער דזשאדזש געזאגט.

„דאס איז זעהר מעגליך!" האט בונס געענטפערט.

אויסהערענדיג אלע באווייזע, האט דזשאדזש רוט ארויסגעגעבען א גט.

"אין א ווינקעל פון דעטראיט"

דאס איז דער נאמען פון דעם נייעם ראמאן געשריבען ספּעציעל פאר'ן „וועג" פון

ב. איסאיעוויטש

וואס וועט זיך אנהויבען צו דרוקען אינ'ם פסח נומער.

דער פסח נומער פון „וועג" וועט זיין א סורפּריז, עס וועלען זיך באטהייליגען משה נאדיר, מנחם, מרים קארפּילאוו, משה טאלטשין, עליאש, ש. פאן, ישראלי ארטהור עסעלין, ש. געפּאס, ר' ברוך'ל און אונזערע רעדאקציאנעלער סטאף.

עניים ואביונים,
אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארזעצונג)

— אי האב איך פיינט אט די לייט, אט ידי בראדיאגעס, טאמער ווייסט איהר וואס זי שלעפען זיך ארום און קומען צו אונז, פאר וואס קומען מיר ניט צוזיי? נאר אומישטיינס געזאגט, זיי זענען אזוי נע פרעסערס און האבען אזוינע גרויסע אויגען אז עס איז זיי קארג דיא גאנצע וועלט און י לויפען נאך צו אונזאויפפאר כאפען נדבות מען דארף זיי טרייבען ווי די הינד זיי זאלען פארזאגען דעם צענ־טען צו אונז מעהר ניט צו קומען, קוקט נאר אן ווי זי קוקט זיך אום אויף אונז נאר איפציעכען.

— איך זאג אייך אזמען דארף ארים שטערען א צייט אינזערע ווייבער זיי זאלען איהר זאגען אז זי אל יך אוועק־געהען אהין פון. וואנען י איז געקומען מיר האבע אונזערע אייגענע אלע גייע נענוג נאר ייאם זאלען מיר טהאן זיי זענען פארט אונזערע זיי זענען דא גע־בוירען זיי האבען דא עלטערען און פריינד, אבער פרעמדע?

לאה האט אלע מאהל געפראוט אבש טערען אימעצען פון די ארימע, זיי פרע גען ואו וואהנען ר' זלמנס קינדער, נאר די ארימע לייט האבען זיך ווי מיט כעס און מיט נדרות אוועקגעקעהרט פון איהר

איידער די ארימע לייט מיט די פולע קעשענעס זענען געקומען צו זיער הים זענען שוין זייערע קינדער געלאפען אנט קעגען מיט א ליארעם און פריידע, ווי די פריגען זענען זיי אנגעפאלען אויף דיא פולע קעשענעס און טארבעס און זיך צוייבענעמען וואס יעדער האט נאר גע כאפט, אייניגע קינדער האבען זיך באג גענגט דערמיט וואס זי יהעבאן געפר נען און אייניגע האבען זיך געשלאגען איבערן ביסען, ד. ה. דער האט דער־כאפט א ווייס טשיקער ביינדל אדער א שטיקעל ביינעלע און דער נאר א שוואר צער שטיקעל ברויט. דאס קינד פון דעם שווארצען שטיקעל ברויט האט זיך גע זינען באווידלט און זיך העשטערט שלא זען מיט די ברידערלעך און שוועסטער־לעך וואס האבען געהאט דאס גליק צו דערכאפען ווייסע שטיקלעך ברויט. די עלטערען האבען זיך געמיוט איינגעמי־שען און צוטהיילען קיינעם זאל ניט זיין אבידע און אלע קינדער זענען ווי־ עלטערן פריהער.

לאה האט אויף די עלטערן געקוקט מיט גרויס קנאה, אלע זענען אזוי גליק־ליך ארומגערינגעלט מיט קינדער. עס איז זיי פרעהליך, נאר זי איז אליין, קיי־נער טאנצט ניט ארום איהר, זי איז איי נע אויף דער וועלט.

גאט! ווי גליקליך וואלט זי זיך גע־פיהלט ווען זי זאל אזוי קומען אבענד היים פון דער שטאדט מיט פולע קעשע נעס און טארבעס און איהר הייזעלע שיינדעלע זאלען זי אזוי פרעהליך ארומ־טשיעלען און האפען, זיך קריגען און שלאגען אז זאל צוישע זיי צוטהיילען אלע קעשענעס אז מאכען צו שיעין־ער אלע קעשענעס און מאכען צווישען זיי שלום!...

א סך ארימע לייט מיט זייערע קינ־דער האבען זיך געלאזט גלייך געהן צו דער ראבע מורליטשקע. אייניגע פאר א ריגאישען פארקאכען א טשיינק טהעע. יי — צו קויפען פאר צוויי גראשען א ביסעלע בראנפען אויף איינצורייבען די שמערען פון דעם שלאפען קינד, די גלאט אביסעל האדט אזוי זיצען ביי א ליכט און הערען גייעס ביז מען וועט זיך דארפען לעגען שלאפען, וואדום אין דער היים וועט מע זיך מוזע זיצען אין דער פינסטער, קיין ליכט איז ניטא, קויפען פאר א גראשען א ליכט איז ניט כדאי, יעו מען קען פארשפארען, אהן א ליכט

קען מע לעבע או אה האלץ אין שטוב קען מען ניט לעבע. פאר דעם גראשען מיט נאך א גראשען וועט מען בעסער קויפען א שייטעל האלץ וועט מען קע־נען צוזיצען אביסעל אקרוז און אין שטוב וועט אויך זיין ווארעם און ליכטיג.

— וואו וואהנט דא ר' זלמינע? האט לאה אבגעשטעלט אז אלטע אידענע וואס איז קוים געגאנגען אויף א קוליע אנגעשפארט.

— וואס? האט די אלטע איבערגע־פרעגט, ווי עפעס פארוואונדערט אדער ווי ניט דערהערט.

— ר' אברהם זלמינע וואס האט געוואהנט אויף דער טייטער גאס אונ־טער אין דאך מיט דער ראבע מורליטש קע, אט דא און ווינקעל.

אויף איהר עטליכע מאל איבערפרע גען האבען זיך אבגעשטעלט עטליכע ארימע לייט און האבען צילאכט און אנגעהויבען שרייען דער טויבער אלטער אי ביידע אויערען:

— חא, חא! זי פרעגט אויף אלטיש קע אויף אונזער ר' זלמינען. זי האט זיך דערמאנט ווען איהר אלטיטשקע זענט אמאהל א מויד געוועזען, ווי איהר זענט א כלה געווארען און געשיקט דעם חתן אן איבגענעהטען תפילין זעקעל און ער אייך א קרבן מנחה און א קעל־בערנער בוגד, ווי איהר האט חתונה גע־האט אי געשטעלט א חופה אויף דעם בית הקברות די האליערע זאל אויפהע רען און כלי זמר האבען געשפילט און מתים האבען געטאנצט...

— אייך שקצים, וואס לאזט איהר מיך ניט דורכגעהן די גאס, האט דיא אלטע אנגעהויבען צושרייען דעם עולם מיט איהר קוליע, שעמט אייך וואס אכט איהר פון אזוי אלטער אידענע. איהר ווערט אליין זיין אלט. לאכט ניט פון קיין אלטע קראנקע לייט מען זאל פון אייך אמאהל ניט לאכען.

— חא, חא די פרעמדע אידענע פרעגט אייך אויף ר' אברהם זלמינע וואו ער וואהנט, האבען ווייסע חברה געשריי־ען.

— וואס ווייסט זי האט מעוז וואבען? א פרעמדע אידענע פרעגט דארף מען איהר ענטפערען.

— נאר איהר האט פארגעסען אז ר' זלמינע איז שוין לאנג געשטארבען.

— נאוואס זלמקף 54321 354321

— נא וואס ווייסט איז געשטארבען לאז ער זיין אין גן עדן, ער איז געוועזען א טהייערער איד, ער מעג אודאי אריין גלייך אין גן עדן. ער איז שוין אודאי זיין איבערגעקומען, ער זאל זיין א גוטער מליץ אויף כל ישראל.

לאה האט ניט געוואוסט וואס צו טו זי וואלט עפעס אנטלאפען אבי ניט הע־רען דעם געלעכטער אויף איהרע צרות. נאר דער עולם און ווייסע חברה האבען זיך ארומגעשטעלט און ווייטער זיך גע־וויצעלט איבער איהר.

— זי מיינט עס זענען אמאליגע יאה־רען וואס ווער א ליאדע איז, גאר אנגע־קומען פלעגט מען קומען צו ר' זלמינען און ער האט געמאכט נדבות פאר דעם וואס האט נור א קרום פנים געמאכט. זיין שוועסטערקינד, איצטער מאך אליין פיהלעך איבער די טלירען וועסט דו ווי־סען א טעם וי זיך ארומשלעפען אין א פרעמדע שטאדט יענעם איבערשלאגען.

— איך בין נוט געקומען אהער צו בעטען נדבות, איך קאליע מאכען, האט לאה אנגעהויבען וויינען — פון די 10 יאהר ארומגעהן צוויישן ארימע לייט, האט זי געוואוסט ווי שלעכט עס איז צו זיין א קאנקורענט ביי ארימעלייט. זי האט געקענט דאס אביונישע לעבען מיט אלע פיטשעווקעס גלייך מיט זיי וואס

לאבט איהר פון מיר? איך ווייס אליין אז ר' זלמינע איז שוין פון א יאהר צעהן געשטארבען, איך בין ניט געקומען צו איהם, איך דארף האבען צו זיינע קינ־דער, איך האב צו זי א בריעף.

די אלטע איינגעהויקערטע אידענע אז זי האט דערהערט ווי די פרעמדע אי־דענע וויינט, האט זי אזוי אנגעכאפט ביים הארצען און איז אזוי אין כעס גע ווארען אויף דעם עולם און ווייסע חברה וואס האט זי ארומגעשטעלט אז זי האט געהאפט איהר קוליע און ווי א יונגע פון א יאהר 17 האט זי אנגעהויבען ארומ־לויפען און צוטרייבען דע עולם, ניט געקוקט אויף קיינעם און דערלאנגט קליעפ וועמ עס האט זיך נאר פאפארעט אונטערן קוליע.

מיט א גרויס געלעכטער אז די אל־טע איז לעבעריג געווארען און שפרינגט מיט דער קוליע, איז דער עולם זיך ביס־לעכווייז צוזלאפען.

די נאכט האט זיך נאך מעהר אנגע־רוקט און עס איז פינסטער געווארען. דער עולם ארים עלייט און די אבגעריסע נע ווייסע חברה זענען זיך שוין אועק־געגאנגען פון דער אלטער אידענע מיט דער פרעמדער שלעפערקע — זיי ביי־דע זנן געבליבען אליין. לאה האט געזעהן אין דער אלטער אידענע איהר גוטען מלאך, מיט גרויס רחמנות און מיט פיל ליעבשאפט האט זי געבעטען די אלטע אידענע זי זאל זיך אנשפארען אויף איה

אקסעל. זי וועט זי פיהרען אהיים, וויל זי האט געזעהן ווי זי איז עהר שוואך פון דעם ראנגלען זיך מיט איהר שטעקען קע גען דער ווייסער חברה.

(פארזעצונג פאלגט)

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אידגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוויזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ניטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט
Frosh O. D.

אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשועלערי סטאר.

לעזט דעם „וועג"

אלומינום און גראניט-וועהר לכבוד פסח
אויך א פולען ליין קראקערי קריגט איהר ביי

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־גענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר־טענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענער פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און ביייס סוטס און קאוטס. קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

וועלט איהר סיווען 30 פראצ.?
ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאווס ראנגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — טעלראוו 4985

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
ר' דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן טעין 4420

האלס
צו פארענטען, אין אידישען אר־בייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, לי־טערארישע אווענטען קאנצער־טען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
ש. שטארק.

לענדלארדס אויפמערקזאם!
מיר האבען קאסטאמערס מיט $150 און $400 איינצוצאלען פאר א ליעס אויף 6, 7 אדער 8 רומס, וועלען צאלען גוטע רענט. איהר קאנט מא־כען געלד. פרעגט: הערים און לואיס
הערים און לואיס
481 אנטוויין סטריט
טעל טשערו 8054

שעכטער'ס דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח
סוטס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטס, קווילטענס, פענסי דריי גודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע
Philadelphia Dress and Dry Goods Co.
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

וועלט איהר אייערע
גלעסער, שליסלען קארפענ־טערווענע, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלם סט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קיסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטארס, ישעלווס, סייפס, ספייקס יערזשיסטערס. נייע און גענוצטע, דרייזען מעסינגע. ארענטליכע בעהאנד לונג. 2 סטארס.
רעליעבל סטאר פיקטשור קא
306 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהיים.
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אינגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשוי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
237 הייסטינגס סט.

VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
TELEPHONE CANAL 192
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef, Tongues Etc.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשוי לעפקאווסקי און סאנס
בראדווי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געעפנט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

שיקט אריין נאר 2 דאלאר
וועט איהר באקומען א האלב יאהר צייט איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען,
דאס „פאלקסבלאט",
א דעמאקראטישער ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.
דורכ'ן „פאלקסבלאט". וועלכעס האט אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעטלעך פון פוי־לען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוי־לען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.
דורכ'ן „פאלקסבלאט" קאנט איהר אויך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.
דאס „פאלקסבלאט" וועט אייך אייך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.
דורכ'ן „פאלקסבלאט" קאנט איהר פערקניפען געשעפטליכע בעצי־הונגען מיט מיזרח־אייראפא.
דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך דאס „פאלקסבלאט". אדרעס:
Lodz, Petrokowska 37, Poland

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 מעדבורי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר. ה. פטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

דר. ל. ע. בעילער
ספעציאליסט אויף אויגען, אייערען, נאז און האלדז קראנקהייטען.
164 גרעשיאט עוו קאפפין טעאטער בילדנג
טעל. טשערי 2702

פארד קארס און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דר ראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

CLASSIFIED
פיר פאמעליע בריק פלעט
סאוטה פון ארדען פארק, 5 רומס און סליפינג פארטש, 3 גאראדזשעס בלויז $11,000 $26,000 איינצאלען.
Maloney-Campbell Realty Co.
504 Free Press Bldg.

צו פארקויפען
A 1
לאקיישאן פאר א כשר בוטשער סטאר האמילטאן בולעווארד. געגענד פרענען
Northway 890w

צו פארקויפען, א פרוכט און וועד־זשעטייבל סטאר; מיט'ן טיעם אויב פארלאנגט. גאראנטירט צו מאכען א פיינעם לעבען, אין סייפען געלד. פרע־גען באקס 51 28)

נאטים! נאטים!
א נייער בוטשער שאפ האט זיך גע־עפענט אויף 1482 מישיגאן עוו. נע־בען 28טע סט. פראמפטע און איי־דעלע באהאנדלונג, ניט אינז א טרייער און איבערצייגט זיך. 28)

פסחדיגע שמאלץ צו פארקויפען. $1.25 א פונט. מר. כאן, 169 גור־ווין און די ריער. 28)

8 **פאמיליע פריים הויז** $30,000 וועסט סייד 5 רומס און באטה אין יעדען אפארטמענט. סטיעם היט, פייער נעגענה. איינצאלען $6,500; מאנטליך איינצאלונגען $175 רענט $350 א מאנט. פרעגען גארפילד

סיילסמאן פארלאנגט ענם קא־דינג דזשענטס פורנישינג און שוהס מוז רעדען פויליש און רוסיש. 2425-27 וו. דזשעפערסאן

די ארט העגד לאונדרי
728 הייסטינגס סטריט

צו אייך, סיגנעל לייטע!
אויב איהר ווילט האבען אז אייער לאונדרי זאל זיין געטייפט און ריכטיג געמאכט קומט צו אייער גוט באקאנ־טען פריינד יוסף מיקאפסקי וועלכער פאסט אויף, אז אלעס זאל ווערען גע־פיקסט פינקטליך. 728 הייסטינגס סט
טעלעפאן, מעלראוז 5670 אר

כשרה הויזקיפער פארלאנגט. אין א פיינע אידישע הויז אין פאדט הוראן, מוז קאנען גוט קאכען און אויך אויפפאסען די הויז. גוטע היים און גוט באצאלט צו די ריכטיגע פע־זאן. רייזע קאסטען אומגעקעהרט אויב ניט צופריעדענשטעלענד. נאכפרעגען: וויליס לאנדאו, 75 פארנס ווארט, — טעל. נארטהוויי 1675.ר אדער בען לאנדאו, 620 בראש סט. טעלעפאן דזשוי 1310 26)

וואדע ביליג פאר סטאר-קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראווינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פוירנישינגס, נייע גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

ניו יארק סטאר קלאדהינג קא.
596 הייסטינגס סט. קאר. בענטאן
סוטס, קאוטס, דזשענטס פוירנישינג, העטס, יאנג מענס און באיס קלאדינג.
אונזערע פרייזען זענען תמיד די מע סינסטע אין שטאט.
פ. בונין, פראפ.

אדווערטייזט אין „וועג"

אינטעליגענטע

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

ער אוועקגעפאלען אויף א סאפא. ער האט געפיהלט אז ער ריהרט זיך פון זינען.

— לעבעט ביי איהר א קינד אויך פון דער צייט אידער זי האט חתונה גע-האט? — די ראזינע ווערטער האט ער ארויסגערעדט מיט אזוי פיעל פיין און שרעק, אז עס האט געקענט ריהרען א שטיין.

— יא, עס לעבט א קינד. איז זעהר א ליעבע און א שעהנע. זי איז מיין קינד און אויך מישא באציהט זיך צו איהר ווי צו אן אמת'ער שוועסטער.

— וועז מען זאל מיר דאס קינד אפ-געבעט, וואלט מיר נאך פיליכט געצלי-בען צוליעב וואס צו לעבען! — האט ער א זאג געגעבען און האט געגלאצט מיט זיינע אויגען אויף דער וואנד אנט-קעגען ווי איינער וואס קוקט די אויגען אויס אין א פינסטערער נאכט צו געפי-נען עינעץ א ליכטיגען שטראהל.

— אויך דאס קען ניט געשעהן, אגיו-טא ליעבט דאס קינד און מיר אלע זע-נען צו איהר צוגעבונדען.

— דאן מוז געשעהן דאס לעצטע — איך וועל זעהן מישאן און אניוטאן און דערמיט וועט זיך אלעס ענדיגען.

— יסורים! — האט בלאך געטענה'ט — בעסער וועט זיין פאר אייך אלעמען ווען איהר וועט זיך ניט באגעגענען!

— ניין, דאס וועט ניט זיין! — האט בעלל געטענה'ט — ווען אפילו איינער פון זיי וועט ביי מיר מיין לעבען אוועק נעהמען, בין איך צופריעדען. איך האב דאס כשר פערדיענט און איך וועל די שטראף מקבל זיין באחבה.

און ביידע, אי הורוויץ, אי בלאך זע-נען געזעסען און האבען אויף איהם גע-קוקט. זייער בליק האט מעהר ניט אויס-געדריקט קיין שנאה נור אונבעגרענעצ-טע מיטלייד.

פאר זיי איז ניט געשטאנען קיין פארר-ברעכער, נור א באוואוסטזיניגער. סקע-לעט, וועלכער איז פון זיין אייגענעם קבר ארויסגעקומען תשובה טאן.

ווען דער שטורם איז געווען פאראי-בער און בלאך האט זיך פערטיג געמאכט אהיים צו געהן האט זיך בעלל אויך אויפ געהויבען.

— איך געה מיט דיר! — האט ער א זאג געגעבען — איך מוז זעהן מי-שא'ן.

— און אוי בער וויל דיך ניט זעהן? האט בלאך שטיל ארויסגערעדט.

— דאן וויל איך דאס הערען. איך וויל דאס מיט מיינע אויערען אליין הע-רען. אבער אל יאיינס וועל איך דאך איהם זעהן. איך וועל זעהן מיין קינד און דאן וויל איך נאך איין מאל זעהן אניוטאן.

— פאלג מיך! — האט בלאך זיך ביי איהם געבעטען — איך ראט דיך דו זאלסט ניט געהן. איך וועל דיר איבער-געבען אלעס, וואס דו ווילסט וויסען וועגען איהם, ער איז מיין איידעם. ער איז צארט און עדעל. ער איז גליקליך מיט מיין מלכה'לען, מיט מיין עלטסטע טאכ-טער. און אויך אניוטא איז היינט גליק-ליך, אניוטא איז אונטער מיין שטיצע.

— וואס? — בעלל'ן האט זיך נאר ניט געלעגט אויפ'ן מח, אז אניוטא איז אזוי נאהענט דא לעבען בלאך'ן.

— מיין פרוי איז טוידט און אניוטא איז יעצט מיין פרוי.

בעלל האט זיך קוים געקענט האלטען אויף די פיס.

ער האט זיך צעוויינט און באלד איז

סלאנימער אידען ווילען נישט קיין באזונדערע געלד-זאמלונגען

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט פון סלאנימער הילפס קאמיטעט בא-קומען פאלגענדע קייבעל פאר מר. וואל-קאוו פון 21 עלדרידזש סטריט, ניויארק

„שיקט אונז איבער דאס געלד וואס די סלאנימער לאנדסמאנשאפט האט שוין געזאמעלט פאר אונזערטוועגען, דורך דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, אבער מאכט נישט מעהר קיין ספעציעלע זאמלונגען. וואס זאלען טראגען דעם נא-מען פון אונזער שטאדט. מיר גלויבען אין אלגעמיינע געלד-זאמלונגען פון די אמע-ריקאנער אידען פאר אלע מלחמה - גע-ליטענע אהן אונטערשייד און מיר גע - פינען, אז ספעציעלע זאמלונגען וואס ווערען געמאכט פאר א בעזונדערער שטאדט, זענען א אונגערעכטיגקייט פאר די אנדערע מלחמה-געליטענע".

אונטערגעשריעבען זענען: רבי שבתי פאגעל, אלעקסאנדער ר. קאווארסקי, יצחק ארלאנאוויטש און אפרים סוועטיצקי.

דאס איז דערווייל די ערשטע נאכ-ריכט, וואס קומט אן פון די שטעדט אין דער אלטער היים צו די היגע לאנדס-מאנשאפטען, אין וועלכער די מלחמה-געליטענע אידען אליין זעהען איין די עולה, וואס עס ווערט געטון צו דער אל-געמיינער הילפס-ארבייט דורכדעם, וואס די געלד-זאמלונג ווערט צוברעקעלט אין איינצעלנע זאמלונגען פאר באזונדערע שטעדט.

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע ארבייט איצט אויס א פלאן, ווי אזוי די טעטיגקייט פון די פערשידענע לאנדס-מאנשאפטען זאל זיך קענען צונויפגיסען אין איין שטראם מיט דער אלגעמיינער הילפס-ארבייט אין אמעריקא, און עס ווערט ערווארט, אז אין גיכען זאל גע-רופען ווערען א קאנפערענץ פון אלע לאנדסמאנשאפטען און דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, אויף וועלכער מען זאל קומען צו א פערשטענדיגונג וועגען געמיינזאמער הארמאנישער ארבייט.

מצות פאר וויען.

85,000 קילאגראם מצות און 10,000 קילאגראם כשר'ע פעטס זענען שוין אנגעקומען קיין וויען און וועלען פערטיילט ווערען צו דער אידישער באפעלקערונג אויף פסח.

קרובים געזוכט

מר. הערש סטעלבוים, מר. יוסף פלעק און מר. מרדכי שניידין ווערען געזוכט פון זייער קרוב מארק זילבערבוים, וואס איז איצט אינטערנירט אין איטאליען.

פרעגען אין אוקראינער פארבאנד, 133 סעקאנד עוועניו, ניויארק.

מעיאר קאוענס פערלאנג איז

אז וואס מעהר סטריט קארס זאלען לויפען אויף הייסטינגס סטריט, דאמיט געבען די געלעגענהייט אלע איינוואהנער פון דעטראיט ווי וויים זיי זאלען ניט וואהנען צו קויפען זייער סטיילישע פאמפס און אקספארדס

לכבוד פסח

ביי דער

מעדבורי שוה קאמפאני

הייסטינגס און הענדרי

וואו איהר וועט זיכער קריגען די בעסטע שיך פאר דער גאנצער פא-מיליע.

בעסטע פרייזען און ערענטליכע בעהאנדלונג. קומט און באטראכט אונזער ווינדאוס.



The Medbury Shoe Store

1232 Hastings

לכבוד פסח

אלע אוקלאנדער אידען. מענער פרויען און קינ-דער קויפען זייערע



שיך

נאר אין



קאפלאנס קוואליטי שוה סטאר

301 וועסטמינסטער עוועניו

2 יאהר אין דעם זעלבען פלאץ. דער סטאר וואס האט א רעפוטיישאן פאר קוואליטיס און גרויסע וועליוס און קליינע פרייזען.

מיר האבען דעם גרעסטען סטאק. די שעהנסטע פעשאנס און סיזען אייך פון $25 ביז $40 פראצענט אויף ספרינג וועליוס. קומט איידער עס ווערט א ראש.

מיר גאראנטירען יעדע פאר שיך. געלט צוריק ווען נימט צופרידען.

די סטריט קאר סיטואציע אין קורצען

דער רעילוועיס פלאן

גלייך צו ספענדען צוואנציג מיליאן דאלאר אויף פארבע-סערונגען.

נייע 50 מייל רעילוועי קאנסטראקשאן ביז דעצ. 31-טען 1920.

נאך 34 מייל רעילוועי קאנסטראקשאן ביז 31-טען דעצ. 1921

פעדבלייבט 5 סענט מוניסיפאל אנערשיפ פון אלע רעילוועים, וואו די סיטי זאל געבען 6 מאנאט נאטיס

אפגעבען אלע פרענטשיזעס אלע די קא. קליימט אז זי פארמאגט.

דעם מעיארס פלאן

15 מיליאן דאלאר הוצאות געבארגט פון די סיטיזען.

צו קויפען 30 מייל רעילוועי וואס זענען שוין אויסגע-בויעט און וואו עס לויפען קארס און צו בילדען נאך 100 מייל אין פארלויף פון די קומענדע דריי יאהר.

פעדס נאך ניט באשטימט וויפיעל עס קען קאסטען מוניסיפאל אנערשיפ אויף א טייל פון דער סטריט רעילוועי

צו צוברעקלען די איצטיגע רעילוועי אויף צוויי. איינע א פריוואטע ליין און די אנדערע א מוניסיפאל ליין

דער בירגער וואס באטראכט ריכטיג וועט וואוטען אם בעסטען

Citizens' Committee on Street Railway Service

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

מאנטאג, 29טען מארטש, 1920

אייראפא מאכט זיך כלא ידע

אייראפא קען נישט פארשטעהן, וואָרום אמעריקא וויל מיט איהר קיין מגע ומשא נישט האבען און וואָרום דער סענאט האט צוריקגעוויזען די טריטי.

די באדייטענדסטע פראנצויזישע צייטונג די „עקא דע פאריז" — גיציטירט אין א דעטראיט'ער ענגליש'ן טאג בלאט — זאגט, אז ווען פראנקרייך און ענגלאנד זאלען זיך נישט געווען אזוי יאגען אויף אריינצובאקומען אמעריקא אינם פעלקער בונד און נאציאנען ליגע וואלט אמעריקא נישט געווען געוואָרען אזוי אייפערזוכטיג און אזא קריטישע, ציט. ווי די איצטיגע איז, זיך נישט געוויען געשטעלט אן א זייט.

ווי'איז א לייכטזיניגער דארפסמיידעל, אזוי קוקט די אייראפעאישע „עקא דע פאריז" אויף אמעריקא.

זאגט מען דאך טאקע אויף די דארפסמיידלעך, אז וואס ווייניגער מען זוכט זיי געפעלען צו ווערען, דעסטא לייכטער ווערט מען זיי געפעלען.

דער אמת אבער איז, אז ווי גלייכגילטיג אייראפא — און אז מען זאגט אייראפא מיינט מען, אין דיזען פאל, ענגלאנד און פראנקרייך און איטאליען — זאל נישט געוויען זיך האלטען גלייכגילטיג, וואלט עס נישט געווען געהאלפען צו באגייסטערען אמעריקא פאר דעם שלום אפמאך, ווי ער איז ארויסגעקומען פון ווערסייל אין פאריז.

וואָרום האָרט מען דאך נאך מעהר גלייכגילטיג ווי ענגלאנד און פראנקרייך האבען זיך באצויגען צו אמעריקא?

פארדאמט גלייכגילטיג!

אמעריקא, מוז עס צום טויזענדסטען מאל איבערגע'חזר'ט ווערען, איז אריין אין דער בלוטיגער וואקכאנאליע נאר ווייל זי האט זיך באגייסטערט פאר פרעזידענט ווילסאן'ס גאטעס און זיינע שלום-פלענער, פון וועלכע עס וועלען קיין מאל נישט פארגעסען ווערען די היסטארישע פירצעהן פונקטען.

דאס און בלויז דאס זיינען די אידעאלען געווען וואס האט מיט אזוי פיעל מוט און מיט אזוי פיעל חשק און מיט אזוי פיעל קאמפס לוסט אנגעפילט די הערצער פון די יונגע העלדען פון דעם יונגען לאנד — אמעריקא.

און ווי האט זיך פראנקרייך באצויגען צו אט די אידעאלען פון דער יונגער אמעריקא, וועלכע האט אזוי בראוו זיך אין קאמף אריינגעווארפען?

פארדאמט גלייכגילטיג!

און נאך ערגער דערפון.

די פאבריקאנטען פון דעם שלום אפמאך אין ווערסייל אין פאריז האבען די אידעאלען פון אמעריקא באשפיגען און פאר'מיאוס'ט.

ווען אונזער פרעזידענט איז צ ו ז י י געפאָהרען, האבען די אויגען פון דער גאנצער וועלט צו איהם ארויפגעקוקט, ווי צו א נייעם משיח; און ווען ער איז פון זיי צוריקגעפאָהרען האט ער שוין צו דער וועלט אראפגעקוקט ווי א באטריבטער און ווי אן עני שבעניים.

ווער געדענקט עס נישט יענע צייטען ווען ווילסאן האט פון „ווייסען הויז" זיינע צירקולארען צעשיקט.

מען האט דאך איהם אין אלע פרייהייט ליעבענדע קרייזען און אין אלע וועלט טיילען וואו מען האט נאך א געדענקטען פריעדען געשמאכט, ווי א מלאך, ווי אן ערלעזער דערקלעהרט.

און ווען די פאריזער ביטערע דיפלאמאטען האבען זיינע אלע שעהנע רייד און ערהאבענע אידעאלען פארניכטעט און צעקאליעטשעט — טא, וואס איז דאס חידוש אז אפילו די אנהענגער און פריינט פונם פרעזידענט זיינען קעגען דער ראטיפיקאציע פונם שלום אפמאך.

הערבערט הואווער איז געשטאנען די גאנצע צייט נאהענט צו ווילסאן'ען און האט איהם געהאלפען אין זיינע שווערע ארבייטען אין מלחמה צייט. און אויך ער איז קעגען די אייראפעאישע ביטערע דיפלאמאטען מיט זייער פריעדענס אפמאך. אויך הואווער קען נישט צופריעדען זיין מיט דעם אימפעריאליזם, וואס האט ארומגעכאפט די זיעגרייכע אייראפא און מיט דעם נקמה-פריעדען, וואס זי האט געשלאסען, און אין זיין בריעף צום פרעזידענט, האט זיך מר. הואווער גאר פאריאהרען ארויסגעדריקט, אז נאכדעם ווי אייראפא האט דאך איינגעזען אריינצושלעפען אמעריקא אין איהרע פאליטישע און עקאנאמישע פראבלעמען און מעהר האט זי פאר אמעריקא קיין גיטס נישט, און אז נאכדעם ווי זיי האבען קיין שלום נישט געמאכט אויף דעם באזיס פון די פירצעהן פונקטען, דערום דארף אמעריקא וואס פריהער זיך אפטרייסלען פון אייראפא און מיט איהר קיין מגע ומשא נישט האבען.

דאָרף דאך דאס אצינד גאנץ קלאהר זיין פאר דער „עקא דע פאריז" וואָרום דער סענאט האט צוריקגעוויזען די טריטי.

אבער אפנים אז עס ליגט זיך נישט צו וועלען דאס וויסען. אייראפא — ענגלאנד און פראנקרייך — מאכט זיך כלא ידע.

און ווי מען קען זיך משער זיין פון דעם דערמאהנטען ציטירטען ארטיקעל, האפט נאך די „עקא דע פאריז", אז די פריעדענס טריטי וועט ווערען א קאמפיין אישו. דאס פאלק וועט אין די נעקסטע פרעזידענטס-וואהלען דארפען ענטשיידען צי איז אמעריקא פאר אדער קעגען דעם שלום אפמאך, ווי ער איז אין ווערסייל פאבריצירט געוואָרען.

די צייטונג מיינט, אז די דעמאקראטישע פארטיי וועט געבען ווילסאן'ען די נאמינאציע פאר א דריטען טערמין און ער וועט „לויפען" אויף דיעזער אישו.

אבער דאס איז א שפעקולאציע און נישט מעהר.

מיר דא, אין אמעריקא, וויסען אז די דעמאקראטישע פארטיי גופא איז אויך נישט בדעה אחת וועגען דעם פריעדענס אפמאך; עס איז נאך נישט זיכער אויב עס וועט נישט זיעגען וויליאם דזשענינגס בריאן אין דער פארטיי, וועלכער איז דורכאויס קעגען דעם, אז דער פריעדענס אפמאך זאל פארוואנדעלט ווערען אין א פאליטישער אישו.

וואָרום עס ווייסען די פארטיי פיהרער, אז אמעריקא וועט זיך קיין מאל נישט באגייסטערען פאר די אימפעריאליסטישע אמביציעס פון די אייראפעאישע דיפלאמאטען און וועט קיין מאל מיט זיי נישט וועלען האבען קיין מגע ומתן.

אונטערן האמער

פון ת. הורוויץ

פאדערעווסקי דענקט צו קומען אין אמעריקא זיך באזעצען אויף זיין אייגענעם פארם אין קאליפארניא וואו די זון שיינט שטענדיג אריין.

אט אזוי איז דאס שוין מיט דעם פאנסקען פאטריאטיזם. מען ערארבעט ענדליך „א פלאץ אונטער דער זון" פאר זיך אליין...

סער' אליווער לאדוש האט ענטדעקט אז אויף יענער וועלט געפינען זיך אויך בהמות.

אפשר ווערט דארט אנגעפיהרט א מעהר ליבעראלע פאליסי אין בעצוג צו די רשעים. קאנען זיי ניט קריגען קיין חלק פון שור הבר וויל מען זיי געבען כאטש א פראסטע שטיקעל רינדער פלייש.

איך קען א היבש ביסעל יונגע פאעטען וועלכע האבען ניט לאנג אנגעהויבען שרייבען לידער, און דאך קען מען זיי שוין צורעכענען צו די „אלטע".

זיבענדיג גראמען זיינען זיי נעבאך פאר דער צייט אלט געוואָרען..

א מעקסיקאנער פרוי האט געבוירען לעצטענס 7 קינדער פאר איין מאל.

און די אמעריקאנער דזשינגאס וועלכע זיינען שטענדיג פיינדליך געשטימט צו מעקסיקא וועלען יעצט געוויס אנהויבען שרייען הבה נתחכמה פן ירבו...

ווילסאן האט ערוועהלט דעם איד מארגענטהוי פאר א אמבאסאדאר אין מעקסיקא.

אלס איד ווייס ער מיז הסתם קאנען זינגען פאר די מעקסיקאנער דאס ליעדער „אייל — לי אייל — לי'".

דר. קאפ וועלכער האט געוואָלט דערטרינקען די דייטשע סאציאליסטישע רעוואלוציאן אין אידיש בלוט, פארכאפענדיג אויף א ווייל די רעגירונגס מאכט, ווערט יעצט אנגעקלאגט אין הויך פאררעטה.

אך, ווי דערלעבט מען שוין זעהן אט דעם „קאפ" שווימענדיג אין וואסער מען זאל איהם קאנען זאגען על דאטפת אטפוך...

ווי עס ווייזט אויס האט גאט ניט פארשאלטען יעדען ער זאל עסען דאס ברויט מיט דעם שווייס פון זיין פנים. א היבש ביסעל אויף אונזער וועלטעל עסען נאר דאס ברויט מיט דעם שווייס פון זייערע „הענד"...

די טערקען האבען אנגעפאנגען א נייעם קריעג געגען די עלייעם.

די טערקען זענען גאר ניט אזעלכע נארען ווי מען מיינט. זיי ווייסען אז די בעסטע פריעדענס באדינגונגען וועלען זיי קריגען, ווען זיי וועלען דעם פריעדען שרייבען מיט דעם שווערד אין דער האנד...

די טערקישע רעגירונג בעט אמעריקא אז זי זאל אונטערזוכען די קלאגעס וועגען די איינשלאכטונגען אויף ארמענער.

די טערקען מיינען, אז זיי זענען פאליאקען און אן אונזער קאמיסיע וועט זיין אזא דיפלאמאטישע און בלינדע ווי די וואס מיר האבען געשיקט נאך פוילען.

די טערקען וואלטען ניט געמעגט זיין אזוי נאאיוו און געדענקען, אז דארט האבען גוים געשאכטען אידען און דא „נעבענדיגער" קריסטען. אגב זאלען נאר די טערקען זעהן, אז אונזער מארגענטהוי זאל אין דער קאמיסיע ניט זיין, ווייל וואס ער האט שלעכט געמאכט אין דער פוילישער אונטערזוכונג, וועט ער זיכער ניט צומאכען אין דער טערקישער...

די פוילישע רעגירונג האט צוערשט ערקלעהרט צוויי הונדערט טויזענד אידען אלס „פרעמדע" און איצט האט זי ארויסגעגעבען א געזעץ, אז פרעמדע זאלען ניט טארען האנדלען אין פוילען.

אמאל האט פוילען איינגעלאדען פרעמדע אידען צו ענטוויקלען איהר האנדעל און איצט ערקלעהרט זי איהרע אייגענע אידען אלס פרעמדע, אום צו רואינירען איהר האנדעל!

דער מיקאדא האט אויפגעלעזט זיין פארלאמענט, ווייל די מיטגלידער האבען זיך ניט געקענט איינייגען וועגען דער פראגע פון פארברייטערונג דאס שטימרעכט אין לאנד.

דאס גרעסטע וואונדער איז, ווי אזוי קענען די יאפאנעזער דיסקוטירען וועגען אזעלכע וויכטיגע פראגען אין א שפראך וואס מען קען קיין איינציגען ווארט ניט פארשטעהן?

די טערקען לייקענען, אז זיי האבען געמאכט פאגראמען אויף די ארמעניער..

פעטער ישטעאר איז ערנסט און אויפריכטיג: ווען מען פארניכטעט די ארמעניער אין די הונדערטע טויזענדער מיט קאנאנען, קען מען ניט ריידען וועגען פאגראמען.

דער ראטה פון דער פעלקער ליגע האט באשלאסען א זיצונג צוליעב דער אונטערזוכונגס-קאמיסיע פאר רוסלאנד.

דארטען אין דער הויך-פאליטיק איז דאס אייגענע ווי אין די יקרות-ביזנעס: מען אונטערזוכט און מען אונטערזוכט ביז מען דארף אונטערזוכען די אונטערזוכער.

די אייראפעאישע נאציאנען זיינען אויסגעוואקסען און ווילען זיך שוין ניט שפילען אין העריש און קנעכט. זיי וועלען זיין מענשען גלייך.

אין אז די עלייס וועט שוין געלינגען ארויפצוזעצען א קעניג אין דייטשלאנד, ווי לאנג אימשטיינס-געזאגט, וועט ער זיך דאן האלטען.

א לופט פליהער האט חתונה געהאט פליהענדיג 2.000 פוס אין לופטען.

ווי ס'זעהט אויס, וועט מען פליהענדיג אין דער הויך אויך באגראבען ווערען.

די פאליאקען אין אמעריקא באקאמירען אידען און פיהרען אן א פראפאגאנדא.

מיר דארפען זיי דאנקבאר זיין, טא מער איז נאך דעם אמעריקאנער פאלק נישט גענוג איבערצייגט אין דעם פוילישען בארבאריזם און אומפארשעמטקייט קענען זיי עס זיך פאלקאם איבערצייגען אין אמעריקא גופא.

מילא אז דריי אידען עסען צוזאמען קענען זיי כאטש מאכען א מזומן. אבער אויב די דריי אידען-פרעסער — רומעניען, אוקראינע און פוילען דיינקען אז מיט אידישע פלייש מאכט מען אויך מזומן, האבען זיי א גרויסען טעות.

גוואלד, וואס טוט מען מיט היינטיגע אסטראנאמער! אויסצורעכענען ווי פיעל מייל עס איז צו דער זון וויסען זיי יא, אבער די ווייטקייט פון איין מענשען בז'ן צווייטען פארשטעהען זיי נאך אלץ נים.

דר. קאפ האט געהערשט א קאפ, און האט שוין פארלאָרען דעם קאפ.

„חי—נעלעבט"! דערפאר איז דער אכצעהנטער אמענדמענט אזוי אויף צרות.

קעניג אלפאנסא איז קראנק אויף אן אויער. — ער הערט נישט דעם רוף פון דער צייט.

ווער איז בעינברידוש קאלבי?

פון מארק סאליוואן אין דער ניו יארק „טאימס".

(איניגע שטריכען וועגען דעם אפוינטעטען סטייט סעקרעטאר)

פרעזידענט ווילסאן'ס אפוינטמענט פון בעינבר-ידוש קאלבי אלס סטייט סעקרעטאר אויפ'ן פלאץ פון ראבערט לאנסינג האט, ווי באוואוסט, ארויסגערופען גרויס איבערראשונג און פראטעסט מצד דעם אמעריקאנער סענאט און כמעט אלע פאליטישע קרייזען אין וואשינגטאן. עס ווערט ערקלערט דאס דער סענאט גרייט זיך ארויסצושטעלען געגען דיזער אפוינטמענט דעם גרעסטען קאמף וואס איז זיך נאר פארצושטעלען, כאטש ער האנדעלט נאך דערווייל לאנגזאם צוליעב דער אלגעמיינער סיטואציע.

עס איז קיין צווייפעל דאס דער אפוינטמענט טראגט מעהר די סימנים פון אן אימפולס איידער דער רעזולטאט פון א גענויער אונטערזוכונג. קאלבי'ס אפוינטמענט איז געקומען אלס אזא גרויסע איבערראשונג ווי די אפשאפונג פון ראבערט לענסינג, און וואשינגטאן ווייס איצט וועגען דעם ערשטען זאגאר נאך ווייניגער ווי זי האט געוואוסט די אורזאכען פאר דעם לעצטען.

דער איינציגער פראגמענט וואס די פעהיגסטע און געשיקטעסטע נייעס-זאמלער האבען געקענט ארויסקריגען פון דער סיטואציע איז די פאלגענדע געשיכטע:

מר. קאלבי, וועלכער איז א לויער, איז לעצטענס ערשינען פאר דער שיפינג באארד אלס קאונסעל פאר איינע אמעריקאנער אויל מאגנאטען, וועלכע זיינען אייגענטימער פון געוויסע טענק דאמפפער'ס, וואס זיינען פאר דער מלחמה געווען רעדזשיסטרירט אונטער דער דייטשער פאהן און זיינען געהאלטען געווארען אין דעם נאמען פון א דייטשער קארפאראציע, די סטאקהאלדערס פון וועלכער עס זיינען געווען מר. קאלבי'ס אמעריקאנער קליענטען. עס האט גראדע פאסירט דאס דיזע דאמפפערס זיינען געווארען דער צענטער פון אן אינטערנאציאנאלען לעגאלען פלאנטער.

אין פארלויף פון דער מלחמה זיינען זיי קאנפיסקירט געווארען פון ענגלאנד און עס איז ענטשטאנען דער דיספיוט, צו וועמען זיי זאלען באלאנגען, און ווי מען זאל זיך מיט זיי אפפארטיגען. איבער דיזען פונקט האט מר. קאלבי אנגעשריבען א סטייטמענט, און עס ווערט ערקלערט, אז דיזער סטייטמענט איז דורך א צופאל אנגעקומען דעם פרעזידענט אין האנט.

דער סטייטמענט, ווערט ווייטער ערקלערט, האט באאיינדרוקט דעם פרעזידענט, נישט בלויז מיט זיין אויסגעהאלטענקייט אלס א לעגאלער ארגומענט, נאר אויך מיט דער אידענטיפיצירונג פון קאלבי'ס געדאנקענגאנג און פון פרעזידענט ווילסאנס מיינונג איבער דער אלגעמיינער פראגע פון סעטלען דעם סכסוך פון די פארכאפטע שיפען, וועלכעס איז געווען איינס פון די שווערע אינצידענטע פון דער פרידענס טריטי, און איז גראדע אין דיזען מאמענט ארויסגעשטעלט געווארען אין פאדערגרונד פון די אינטער-נאציאנאלע פראבלעמען.

די געשיכטע לויטעט, דאס לייענענדיג דעם סטייטמענט האט פרעזידענט ווילסאן זיך דערמאנט אן זיין פריהערדיגער באקאנטשאפט מיט מר. קאלבי וועלכער האט אלס מיטגליעד פון דער שיפינג באארד מיט איהם אפגעהאלטען אפטע קאנפערענצען אין וואשינגטאן אין פארלויף פון דער מלחמה, און אין פאריז אין פארלויף פון דער פרידענס קאנפערענץ.

דאס איז די געשיכטע. זי ענטהאלט א געוויסע מאס פון השערות; און דאך איז דאס די איינציגע אנצוהערעניש, וואס איז איצט מעגליך צו קריגען איבער דער סיטואציע, פון דעם ווייסען הויז.

עס איז אבער אוממעגליך אויסצומיידען דעם געפיהל אז מר. קאלבי'ס אפוינטמענט האט נישט געקענט זיין דער רעזולטאט פון דעם פרעזידענט'ס וועלכער רעפלעקציע, ווייל מר. קאלבי, וואס זיינע פעהיגקייטען זאלען נישט זיין, איז דוקא נישט דער מאן וואס קען נאכקומען דעם פרעזידענט אין אלע זיינע נייגונגען.

אין זיין קארעספאנדענץ מיט לענסינג'ן האט דער פרעזידענט ערקלערט דאס ער וויל האבען א מאן „וועמעס געדאנקען-גאנג זאל געהן אין הערמאניע מיט זיינער". ער האט געגעבען אנצוהערען אז וואס ער וויל איז א מין „ליטעראַרישער עקספערט".

עס איז קלאר געמאכט געווארען צום פובליקום ווי נאר מעגליך, דאס אונזערע אויסלענדישע פאליסים דארפען זיין בלויז די ביזנעס פון פרעזידענט ווילסאן. ער האט אליין אזוי געזאגט און ער האט אפגעשאפט צוויי סטייט סעקרעטערים זיכער צו מאכען דאס וואס ער וויל.

אבער פון אלע מענער וואס דער פרעזידענט וואלט געקענט אויסקליבען פאר דיזען צוועק, ווערט מר. קאלבי באטראכט, פון די וואס קענען איהם, אלס דער אמווייניגסטען פאסינגער.

מר. קאלבי איז אלזייטיג אן אינדיווידועל. ער איז א „רעבעל", א „רעוואלוציאנער", אזוי צו זאגען, א מאן וועלכער געהט זיך זיין אייגענעם וועג, און וועלכער לײַדעט נישט פון קיינעם אין זיין וועג געשטערט צו ווערען.

מר. קאלבי האט אן אויסגעצייכנעטען כח, אבער ער האט אין זיך דעם קאפריז וואס אזעלכע מענשען האבען געוועהנליך, ער איז אריגינעל און אינדיווידועל, אויש צום פונקט פון עקשנות.

עס זיינען דא זאכען וואס שטעלען צוזאמען זיין „עקשנות" וואס וועלען פארגעבראכט ווערען געגען איהם אין סענאט. ער איז דער לעצטער מאן פאר שפאן-ארבייט. אין פארלויף פון די יאהרען זייט ער איז געווארען א וואוטער, איז ער שוין געווען א באלמאמטער, אן „אפיס האלדער" און א קאנדידאט אין דריי גרעסטע פאליטישע פארטייען און אין איין קלענערע פארטיי.

אין איין הינזיכט, נאטירליך, ערפילט מר. קאלבי דעם פרעזידענט'ס פארלאנג פאר א „ליטעראַרישען עקספערט". ער באזיצט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען פאר שרייבערישען אויסדרוק. זיין טאלאנט אין דער ריכטונג דערגרייכט כמעט דעם פונקט פון זשעניע.

ער איז א שוואגער פון יענעם אויסגעצייכנעטען דראמאטורג פון מיזורי, מר. אוגוסטוס טהאמאס, און כאטש עס איז צווישען זיי גיטא קיין בלוט פארוואנדשאפט, איז אבער אין זייער שרייבען פאראן א מערקווירדיגע ענליכקייט.

ווען מר. טהאמאס וואלט נישט געווען קיין פיעסען שרייבער, וואלט ער גאנץ גוט געקענט זיין א גרויסער לויער פון דעם ראבערט איננגערסאל טיפ, און פאר-קעהרט ווידער. ווען מר. קאלבי וואלט נישט געווען קיין לויער, וואלט ער געקענט זיין פונקט אזא פעהיגער פיעסען שרייבער און דראמאטורג ווי מר. טהאמאס — וועלכעס מיינט א סך ווייל מר. טהאמאס איז איינער פון די גרעסטע אמעריקאנער דראמאטורגען.

מען קען נישט פארלייקענען, מר. קאלבי באזיצט יענע זשעניאלע פעהיגקייט פון ארויסדרוק וואס דער פרעזידענט פארלאנגט. עס איז גאנץ זיכער דאס די נאהענטע צוקונפט וועט ווייזען א גרעסערע פינקטליכקייט אין אויסצייכנונג אין אונזערע סטייט פאפירען ווי עס איז ביז איצט געווען דער פאל.

אבער, פון דעם שטאנדפונקט פון דעם לאנד'ס נערוועזיטעט און דעם פרעזידענט'ס פערזענליכער פרעסטיזש, איז עס ווירקליך צום באדויערען וואס דער פרעזידענט זאל אין דיזען מאמענט טאן אן אפיציעלען אקט וואס רופט ארויס אזא ווארט ווי „סענזאציאנעל".

אויב פרעזידענט ווילסאן מיינט ווירקליך צוריק אריינצוקומען אין זיין פרעסטיזש, שיינט עס צו זיין ווינשענסווערטה פאר איהם צו טאן דאס פארשטענדליכע, דאס קלארע, און נישט דאס סענזאציאנעלע.

זיין אפוינטמענט פון קאלבי'ן האט אבער ארויסגערופען אזא סורפרייז, וואס איז אומפארשטענדליך און טאקע אויך „סענזאציאנעל", זאגאר פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט.

ביים גלאקען טורעם

פון מ. ספעקטאר

זעהר ווייניג מענשען וויסען וויפיעל מען דארף וויסען אום צו וויסען ווי ווייניג מיר וויסען.

אין שטעדטעל ט—ז איז דאס געווען.

ביי נאכט. דאס גאנצע שטעדטעל איז געשלאפען.

שטיל איז געווען. קיין שארך האט מען ניט געהערט. נאר צייטענווייז האט זיך געהערט דאס סאפען פון בהמות אין שטאלען, וואס זיינען געלעגען און זיך אפגערוהט נעבען די הייזלאך.

ניט געשלאפען איז נאר דער אלטער ר' שבנא, וועלכער האט ליעב פון כמה יאהרען אריינצוקוקען אין א ספר נאכדעם ווי אלע אין שטוב צולעגען זיך שוין שלאפען.

ר' שבנא'ן האט די גאנצע שטאדט געקענט.

ער האט פון תמיד אן געהאט א גרויסע קראם אין מארק, וואו זיין ווייב איז געזעסען. זי איז געווען די פרנסה געבעריין און ער איז שטענדיג געזעסען אין בית מדרש און געלערענט.

זיין ווייב האט געזארגט פאר איהר מאן מיט די קינדער אויף דער וועלט און ר' שבנא האט געזארגט פאר זיין ווייב מיט די קינדער פאר יענער וועלט.

ר' שבנא האט גוט געוואוסט, אז ווען זיין גיטעל זיצט אין קראם, קען ער רוהיג זיצען איבער זיינע ספרים און פאר איהם מיט די קינדער וועט גארנישט ניט פעהלען.

און גיטעל האט געוואוסט, אז ווען איהר שבנא זיצט איבער זיינע ספרים און לערענט, וועט איהר גאט צושיקען אין קראם גוטע קונים, און אויף יענער וועלט וועט זי אויך האבען א חלק פון זיין תורה לערנען.

אזוי האבען זיי זיך אלע יאהרען געלעבט בשלום, קינדער ערצויגען און אויך חתונה געמאכט.

און יענער נאכט איז ר' שבנא אויך געזעסען איבער א ספר און געלערענט און גיטעל איז נאך וואס אונטער זיין ניגון איינגעשלאפען.

און פלוצלונג אין דער שטילקייט פון דער נאכט זיינען „זיי" אנגעקומען און אנגעהויבען האט עס זיך פון דער גאס וואו ר' שבנא האט געוואוינט.

און ר' שבנא האט א טראכט געטאן:

— רבונו של עולם, ווי אזוי וועט מען דאס דער'הרג'ענען שלאפענדיגע מענשען? מען דארף די גאנצע שטאדט אויפוועקען. אפשר וועלען זיך איניגע אידען אפראטעווען, אדער זיך אויסבעהאלטען און וועלען גראטעוועט ווערען פון טויט. פון שלאפענדיגע וועט דאך קיין איינציגער חס ושלום ניט בלייבען לעבען.

איך זאל ארוים אין דרויסען, — האט ר' שבנא געטראכט, — און לויפען איבער די גאסען און שרייען, און וועקען אידען, וועט מען דאך מיך דעם ערשטען דער'הרג'ענען, ווער וועט די שטאדט אידען אויפוועקען?

אין מאמענט האט ער נאכגעטראכט. עפעס איז איהם איינגעפאלען און גיך איז ער ארויס אין גאס און געהענדיג ביי די ווענט, און איבערקריכענדיג איבער פלייטען, קיינער זאל איהם ניט באמערקען, איז ער דערקראכען ביז צום קלויסטער, וואס האט זיך געפונען אין עק פון זיין גאס.

דארט איז ער ארויפגעקראכען אויף דעם גלאקען טורעם און אנגעהויבען קלינגען אויף א לארם, ווי מען קלינגט פון תמיד אן אין שטעדטעל, ווען עס מאכט זיך א שרפה.

אין דריי טעג ארום, ווען דער פאגראם האט זיך געענדיגט, האט מען אנגעהויבען זוכען און צוזאמענקלייבען די הרוגים זיי צו ברענגען צו קבר ישראל.

מען האט אויך געזוכט ר' שבנא'ן. אין דער גאנצער שטאדט האט מען איהם געזוכט, נאר מען האט איהם ניט געפונען. קיינער האט ניט געוואוסט, צו ער לעבט צו ער איז טויט.

ענדליך ערשט אויפ'ן פירטען טאג האט מען זיינע ביינער געפונען אויף דעם הויף פון קלויסטער נעבען גלאקען טורם.

די וואס האבען געפונען ר' שבנא'ן אויף דעם טורם, האבען איהם פון דארטען אראפגעווארפען און זיינע ביינער זיינען צעשאטען געווארען.. נאר פון ר' שבנא'ס קלינגען אין די קלויסטער גלאקען זיינען א סך אידען געראטעוועט געווארען פון טויט.

(„מאמענט" — ווארשא)

לידער

פון ש. נעפאם

אין דעם לאנד פון ערינערונגען.

מיין הארץ דאס איז, א לאנד פון ערינערונגען זיסע,
אין דונקלען פורפור נעבעל, שטיל דרעמלען אזוי ווייט,
פון פריידען און פון ליידען, פון האפען און פון ליעבען,
די טעמפלען פון ראינען פון יענער אלטער צייט.

און יעדער שטריך באזונדערן, און יעדער דונקלער חלום
ער שפיגעלט זיך אין הארצען, און שיינט מיר אזוי העל
פון יעדען זיסען שעפצי, און קלאנג וואס איז פארשוואונדען
מיר פלאטען אויף די אויגען, און ס'ווער ענטציקט מיין זעעל.

וואונדער קינדער

פון א׳ אלמי (עליאש)

כ׳בין געזעסען ביים בארבער אויפ׳ן שטוהל. ס׳איז געווען געפאקט און דער עולם האט, ווי געוועהנליך, צווישען זיך געשמועסט.

באלשעוויקעס, פאליאקען, פאגראמען, בריעף פון דער היים, מעשיות פון געלט שיקען, יקרות, דיהח־מאנגעל. און צום סוף איז מען ארויפגעקומען אויף וואונדערקינדער.

וואונדערקינדער! דאס אידישע פאלק איז די לעצטע צייט רייך געווארען מיט וואונדערקינדער. זיי זענען געווארען די סענסאציע, די טעמע פון טאג און פאר־שיעדענע לענדער און אויך ביי אונז, אין אמעריקא.

די וועלט קוקט פארוואונדערט ווי אין דער צייט, ווען די „העלדען" די „קעמפ־פער פאר פרייהייט" אין דעניקין־לאנד און פעטלורא־לאנד, טראגען יונגע אידי־שע קינדער אויף שפיזען, ווערען גע־בוירען אידישע קינדער, וואס הויבען ארויס מיט זייערע אויסערגעוועהנליכע איינגעשאפטען די באוואונדערונג פון די פעלקער.

אנגעהויבען האט זיך דאס געשפרעך וועגען פלארענס שטערן, דאס עלף־יעה־ריגע אידישע מיידעלע, וואס האט ער־שטוינט די גרעסטע מוזיק־קריטיקער מיט איהר פידעל שפיעלען. ס׳איז איבער־געגאנגען צו סעמי קרעמער, דאס באס־טאנער 6 יאהריגע אידישע יונגעלע, וועל־כער האט זיך שוין אויך בארימט גע־מאכט אלס וויאלין־ווירטואז. און דאן האט מען אויסגערעכענט א גאנץ צעטעל אנדערע אידישע וואונדער־קינדער.

נאטירליך איז דער עולם אויך נייגע־ריג געווען צו וויסען וויפיעל א וואונ־דערקינד באקומט פאר אן אויפטריט. און ס׳האבען זיך גלייך אויפן ארט געפו־נען אזעלכע, וואס האבען דאס גענוי גע־וואוסט.

— פלארענס שטערן, — זאגט איי־נער — קריגט פאר אן אויפטריט 850 דאלאר. ער האט אליין געזעהן ווי מען האט איהר אפגעצעהלט אזא סומע.

— האט איהר, זאלט איהר מוחל זיין שלעכט געזעהן — שלאגט איהם אן אנ־דערער איבער — צוליעב אזא סומע לוינט זיך צו זיין א וואונדערקינד? בעי וואס רעדט איהר? אונטער א טויזענטער גיט זי זיך קיין ריהר ניט...

— און איך זאג אייך, — מישט זיך אריין א דריטער איד, אז איהר בײדע ווייסט נישט וואס איהר רעדט. איך ווייס עס פון מענדזשער אליין, אז זי קריגט נישט ווייניגער פון פופצעהן טויזענד דאלאר פאר איין שעה שפיעלען.

— זיבער! זיבער! — באפעסטיגט א פערטער — אז סעמי קרעמער נעהמט פאר איין אויפטריט זיעבען הונדערט דא־לאר, דארף פלארענס שטערן דאך נעה־מען כאטש פופצעהן הונדערט, איז זי דאך עפעס עלטער!

— עלטער־שמעלטער! — איז איהם דער עלטער מבטל — דא איז ביי איהם גאר א פראגע פון עלטער! פלא־רענס האט אבער א לענגערען טאן, איהר שפיעלען איז פול מיט פעסימיסטישע איראניע, מיט אסטראנאמישע אודיע־ציען!...

דער פריהערדיגער ווערט אביסעל אי־בעראשט פון יענעמס הויכע ווערטער. אבער באלד קומט ער צו זיך און נעהמט ווייזען וואס ער קען:

— אבער סעמי, זאג איך אייך, שטייגט זי איבער מיט צעהן קעפ. אז סעמי גיט א שפיעל, קען מען פון זינגען ארויס. סעמי׳ס טאן איז פון די ריכטיגע טענער. איך האב איהם אליין געהערט שפיעלען אין באסטאן. איך זאג אייך, ס׳איז שוין איינמאל געשפיעלט; וואו האט איהר געזעהן, אזא סטראטעגיקע! אזא זאגענאנטקייט, אזא סעפאראטיזם, אזא אינטערוועציע, ווי ביי סעמי׳ן. אפילו מישא הפץ און יאשא עלמאן מיט ס׳טשעטשערין׳ען טעגען ביי איהם די פע־טשערעם היטען!

— מילא, מ׳עט נאך זעהן! — לאזט זיך דער ערשטער נישט באזיגען. — איך וועל אייך פאר פלארענס׳ן אוועק־געבען מאקס זיידלען, מיט טאשא רא־ווענען, מיט האיא׳ן און קארוזא׳ן! קיי־נער קען נישט נעהמען אזא ריכטונג אין איהר טאן. וי פלארענס און קיינער, אפי־לו אידא וואגנער, קען נישט ארויסרי־פען אזא פסיכאלאגיע ווי פלארענס שטערן מיט איהר פיעדעלע!

— נו, נו, גענוג שוין, — וויל דער בארבער שלום מאכען, וואס איז איי־גענטליך דער אונטערשיעד ווער עס שפיעלט בעסער. יעדער האט זיך זיין אייגענע גאוועלען אין שפיעלען! אבי ביי דע שפיעלען גוט, אי, שפיעלען זיי! און געלט מאכען זיי פאר אונז אלעמען!

— אך, טאטעניו, — גיט א איד, וואס האט די גאנצע צייט געשוויגען, א זיפץ, — וואו נעהמט מען א וואונדער־קינד? איין וואונדערקינד בלויז און איך זאלט מיר געווארען פון דאגות פרנסה!...

— א טייערע זאך א וואונדערקינד.

— איז א צווייטער איד מסכים. — באהרכט דערקמיט ארום איבער דער וועלט האסט כבוד איבער׳ן קאפ און מען שיט דיך נאך אפ מיט געלד!... איינער דארף מען דערצו גארנישט טהאן!

— זעהט איהר, מיר איז עס פריהער גארנישט איינגעפאלען! — כאפט זיך אן א איד אין די מיטעלע יאהרען. — אווא! כ׳האב א מיידעלע, צעהן יאהר איז עס אלט, מאטערט זי מיך בכדי: טאטע, קויף מיר א פידעלע! טאטע קויף מיר א פידעלע! און איך האב זיך נאך אנגעבי־זערט אויף איהר! ווער ווייס וויפיעל טוי־זענדער כ׳האב שוין פארלוירען.

— איהר הערט פון אייער מיידעלע...

— מישט זיך אריין א צווייטער, — און וואו איז מיין אינגעלע? מיין אינגעלע איז איינגאנצען זעקס יאהר אלט. האט איהר געדארפט הערען ווי ער באראבאנ־יעט אין א פיקעלע! וואס רעד איך א פיקעלע! — אן אמת׳ער באראבאן! איהר זאלט איהם געהערט, וואלט איהר גע־מיינט אז א סאלדאט פון דער מוזיקאנס־קער קאמאנדע און נישט קיין קינד בא־ראבאנעוועט! מדארף איהם א פיהר טאן צו פראפעסאר אוי—אאוער...

— און מיין מיידעלע מיינט איהר איז נישט קיין וואונדערקינד. ניין יאהר איז עס אלט און מ׳טראסקעט אויף דער פיא־נא ווי אן אלטער. כ׳מאך א וועט, אז איך זאל זי אביסעל צולערנען, וואלט זי גע־קענט פארדיענען שעהנע הונדערטעס.

— מ׳דארף טאקע נישט זיין קיין אפנלאזענער! — רוקט זיך אריין א איד מיט א קמיזבערדעלע, — פאראן על־טערען, וואס ווייסען ווי צו מאכען געלט! זיי מאכען זייערע קינדער פאר וואונדער־קינדער און מאכען געלט... איך זאג אייך אז אין די היינטיגע צייטען איז א וואונ־דערקינד די בעסטע פרנסה!...

— שאט—שאט! — גיט א פאהר אריין נאך איינער. — כ׳האב אויך א וואונדערקינד! אזוי גרויס געלד זאל איך האבען ווי גרויס וואונדערקינד איך האב! איך זינגען הערט איהר! עס וואקסט א מזיק! ביז איצט איז מיר גארנישט איינגעפאלען. אז עס איז א וואונדער־קינד. ערשט איצט, כ׳הער מ׳רעדט, כאפ איך זיך... איהר וואלט מיין מיידעלע גע־דארפט הערען זינגען „אויפ׳ן פריפע־טשאק" אדער „מע, לעמעלע, מע" אדער גאר א „ברייטעלע דער מאמען". וואלט איהר איינגענומען א מיתה־משונה — אזא כח האט דאס!...

ביים עולם צופלאקערען זיך די אויגען. אלעמען חלומ׳ן זיך וואונדערקינ־דער, הונדערטער, טויזענטער, בכדי גרינ־גע פרנסות, פידעלעך, פיאנאס, באראבאנ־נען, פלייטען. און צום סוף לייפט יעדער א היים זיך א נעהם טאן צו די וואונדער־קינדער און די, וואס האבען נאך אין דער היים נישט קיין פידעלען אדער פיאנאס, קלערען שוין באצייטענס וועגען קויפען אזעלכע...

וועט ארויסשיקען געלד פון דאנען וועט איצט געגוי וויסען וויפיעל מארקען ער שיקט און וועט דאס אויך מעלדען זיינע קרובים אין פוילען, אזוי, אז קיין מיס־פערשטענדנישען וועלען מעהר נישט קע־נען פארקומען.

350 שטעדט אין גאליציען:

די סעקרעטאריע, וועלכע די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע קען דערגרייכען פאר פריוואטע געלדער ווערט אלץ ברייטער, און דער לעצטער באריכט מעלדעט אז אין גאליציען גיפא זענען שוין פא־ראן 350 שטעדט און שטעדטלאך מיט ארגאנזירטע קאמיטעס, וואוהין פרי־וואטע געלדער קענען געשיקט ווערען.

ווי דר. באגען מעלדעט, זענען די מיט גליעדער פון דעם יוניט פאנאנדערגע־טיילט געווארען פאר זייער רעליעף אר־ביט איבער פוילען אויף פאלגענדען אופן:

אין ווארשעווער דיסטריקט: קופטער, נערשטענזאנג, גאלטער, פריים, ראסקין, רובין, ראזענבלום, רובינשטיין.

אין לעמבערגער דיסטריקט: צוקער, קאטשאר, קאנטאר.

אין וואהלין: שאבאן, קאגאן.

אין ווילנא: לאנדמאן, סמיטה.

אין ביאליסטאק: קאוואלסקי, סטוויצ־קי.

אין בריסק: לעף און פייזער.

אין לובלין: רייער און פיעלד.

לויט א פעראדנונג פון סטייט דע־פארטמענט האבען די אלע פערטרעטער געקראגען פון אמעריקאנער אמבאסאדאר ניבסאן ספעציעלע ציינענישען וועלכע ער לייבען זיי פריי אנצוגעהן מיט זייער אר־בייט.

די אראבער פראגע.

אינם „פארטנייטלי רעוויו" האט ה׳ [illegible] פערעפענטליכט אן אר־טיקעל וועגען די אראבער פראגע אין וועלכען ער זאגט צווישען אנדערעס:

„די בריטישע פאליטיק בנוגע פא־לעסטינא האט זיך נישט געענדערט און ווערט אלץ אונטערשטיצט דורך א גרוי־סער מאיאריטעט פונ׳ם פאלק. בריטאניע מוז אבער זעהן אז אלע ראסען אין יע־נעם לאנד זאלען אנשטענדיג באהאנ־דעלט ווערען און אז די עקזיסטירענדע לעבנע זאלען רעספעקטירט ווערען. דאס היליגע לאנד טאר נישט ווירקליך ציוני־זירט ווערען. עס איז אבער כמעט ווי זי־כער אז פאלעסטינא וועט נישט זיין קיין פראווינץ פון אן אראבישער מלוכה און דאס חוק פונ׳ם עמיר׳ס חלום מוז פאר־שוואונדען.

נייע געזעלשאפטען רעגיסט־רירט אין פאלעסטינא.

די פאלגענדע בריטישע געזעלשאפ־טען זיינען לעצטענס פארעגיסטרירט גע־ווארען אין פאלעסטינא: די אנגלא־עגיפ־טישע באנק, בנפטאן ליטיטעד, די אנג־לא־פאלעסטינא באנקינג קאמפאני און די אימפיריאל אטאמאן באנק.

די גרעניצען פון פאלעסטינא

„פאלעסטיין" דער ארגאן פונ׳ם ברי־טיש־פאלעסטינער קאמיטעט, באריכטעט אז די שלום־קאנפערענץ האט שוין בא־האנדעלט די פראגע בנוגע די פאלעסטי־נער גרעניצען און דער גאנצער ענין איז איבערגעגעבען געווארען אין די הענד פונ׳ר ענגליש־פראנצויזישען קאמי־טעט פון פאבליים צו באריכטען.

מ. מילעראנד איז ווידער אין ענג־לאנד און ער וועט האבען דאס לעצטע ווארט אין דער דאזיגער פראגע.

פאגראם פראפאגאנדא אין דייטשלאנד.

א שטורמדיגע דעבאטע איז פארגע־קומען אויף א פערזאמלונג פונ׳ם שטאט ראט אין שעהנבערג. איינער פון די מיט־גלידער האט ערקלערט אז די באפעלקע־רונג פון דער שטאט איז שטארק באאונ־רוהיגט מפסח־דעם וואס אינ׳ם הויז פון א צווייטען מיטגליד, קונצע, האט מען געפונען טויזענדער גומענע שטעקענס, וועלכע זיינען ווי מען גלויבט, צוגענ־רייט געווארען צו־אנגרייפען די אידען.

ה׳ קונצע האט זיך ענטשולדיגט, אז דאס וואפען איז בלויז געזאמעלט גע־ווארען פאר זעלבסט פארטיידיגונג צוועקען.

די פראפארציע פון געבוירטען פון זכרים און נקבות צווישען פארשידענע ראסען.

די „איוונינג ניוס" פונ׳ם 27טען פעב־רואר האט פארעפענטליכט אינטערעסאנ־טע סטאטיסטישע ציפערן בנוגע דער פראפארציע פון זכרים און נקבות־געבויר־טען צווישען פארשידענע ראסען און וועלט־טיילען. די דאזיגע סטאטיסטיק ווייזט אן אז בעת צווישען די רוסישע אידען ווערט געבוירען 129 יונגלעך פאר יעדע 100 מיידלעך ווערען צווישען די רוסישע פאליאקען נור געבוירען 100 אינגלעך פאר יעדע 100 מיידלעך. עס איז בלי שום ספק אז די כאראקטעריס־טישע איינגענשאפטען פון פארשידענע ראסען האבען פיעל צו טהון מיט דער ערשיינונג, ווייל די אידען האבען אור־מעטום א העכערע צאהל געבוירטען פון זכרים ווי די קריסטען און צווישען די אויחישע ווערען תמיד געבוירען בערך 24 מעהר אינגלעך פאר יעדע 1000 מייד־לעך אין פארגלייך מיט די ענגלישע. די פראפארציע פון זכרים און נקבות אין קרענערע ישובים אויף פארשידענע ער־טער איז פארשידענארטיג, אזוי למשל, אין האף אינזעל, פאראייניגטע שטאא־טען, זיינען פאראן 105 זכרים געב־טען פאר יעדע הונדערט יידעלישע, בעת אין קאנאקטיקוט ווערען געבוירען 110 מיידלעך פאר יעדע 200 אינגלעך. די דא־זיגע ציפערנ לייקענט אפ די אלגעמיינע מיינונג אז מלחמות זיינען פאראנטווארט־ליך פאר דאס פארניכטונג פון מענער,

זי זאגט אז די שטערבליכקייט צווישען מענער איז א סך גרעסער ווי ביי פרויען און אזוי ארום ערקלערט זיך די מערהייט פון פרויען.

וויכטיגער באשלוס בנוגע די רוסישע פאמיליעס.

אין לאנדאן איז פארגעקומען די פא־נאטליכע זיצונג פון דער באורד אף דע־פוטיס.

עס ווערט איבערגעגעבען צו דער באורד פאלגענדעס:

די פרעמדע קאמיטעט האט זיך גע־שטעלט אין פארבינדונג מיט׳ן שטעלטער אין לאנדאן און מיט אידישע ארגאניזא־ציעס פון די ענגלישע האפענס שטעט הול און ליווערפול, אז מען זאל אכטונג געבען אויף די אידישע אימיגראנטען וועלכע לאנדען אין יענע האפענס, און קריגען אלע איינצעלהייטען פון געוויסע שוועריגקייטען, וועלכע ווערען געמאכט צום אימיגראנט. כדי די באורד זאל עס קענען איבערגעבען פארן אינערען ינסי־טעריום. דער שעלטער לעגט פאר, דער באורד דאס ער איז גרייט צו געבען די גאנצע שטיצע וואס איז נאר מעגליך אין דער וויכטיגער אנגעלעגענהייט. פון הול און ליווערפול זיינען נאך ניט אנגעקו־מען קיין ענטפערים. עס ווערען אויך גע־מאכט אנפראגען וועגען דעם אין די הא־פען־שטעדט גרימסבי און קאסטעל אין נישט קוקענדיג אויף בילדונג.

„דער אידישע רוויהעלם האט ארויס־געוויזען זיין ראסע דורך זיין גאוה ניוד־ציגקייט לוסט צום רייזען און נייגונג צו אידישע וויצען. ווילהעלם איז געווען א קאריקאטור פון א דייטשען קייזער, דורך וועלכען מיר זיינען רעגירט געווען אויף א אופן וואס האט ארויסגעוויזען זיין אבשטאמונג".

גענעלאגיש ליסטעס באווייזען אויך וויפיעל אידיש בלוט ס׳געפינט זיך אין דער ענגלישער קיזערליכע פאמיליע.

מישוגעת! אבער מיט א מעטאדע.

מיכאל קאלישער געשטארבען

דער באקאנטער אידישער געלערנטער און מחבר פון צאלרייכע וויכטיגע ווערק איבער אידישע חוקים איז מיט א קור־צער צייט צוריק געשטארבען אין פעט־ראגראד אין דער עלטער פון 73 יאר.

לכבוד פסח

מאכט אייערע קינדער פרעהליך פיר דעם קומענדען יום טוב. א שעהנע דרעס פיר אייער קליינע מיידעלע און אן אפ טו דייט סוט פיר אייער קליינעם בוילע.

מיר האבען א פולע ליין פון

פון קינדער גודס וועלכעס באש־טעהט פון נאר וואס אנגעקומענע נייע סטיילס פיר קומענדען יום טוב

L. & L, Economy Store

1219 Hastings Strdet

(צווישען פאלמער און הענדרי)

מענס, לידיעס און קינדער פורנישינג און א פולע ליין פון דרייגודס.

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

ציוניסטישע אינזשינערען מא־צען הכנות פאר באלדיגער אר־בייט אין ארץ ישראל

די ציוניסטישע אינזשינערען און אג־ריקולטוריסטען געזעלשאפט האט דעם 18־טען מערץ אפגעהאלטען א פערזאמ־לונג, אויף וועלכער די דירעקטארען פון דער „טעכנישער קערפערשאפט" זיינען אינסטאלירט געווארען.

סעקרעטער היינעס, פארזיצענדער פון דער פערזאמלונג, ציינט אן אויף דער נויטווענדיגקייט פון פאראייניגטער אר־בייט מיט דער ציוניסטישער ארגאניזא־ציע. מר. יעקב דע־האאז רעדט וועגען די אומשטענדען אין ארץ ישראל. ווייזט אן אויף דער וויכטיגקייט פון אמעריקאנער טעכנישע קרעפטען פאר דער ווייטערער ענטוויקלונג פון לאנד, און שלאגט פאר, דאס די דירעקטארען פון דער טעכנישער קערפערשאפט זאלען צושטעלען א באריכט צו דער ציוניסטישער ארגאניזא־ציע און אנגעבען א מינימום צאהל פון אינזשינירען, וואס איז נויטיג צו שיקען קיין ארץ ישראל אנצוהויבען דארטען אן אונטערזוכונג וועגען די יסודות, וואס דער טעכנישער באארד וועט רעקאמענ־דירען פאר באלדיגער ארבייט.

עס קומט״דאן פאר דיסקוסיעס איבער די מעטהאדען, וועלכע דארפען אנגע־ווענדעט ווערען פאר דער באלדיגער אר־בייט.

דר. לאווענשטיין, א גרויסער אויטא־ריטעט איבער וואסער־קראפט ענטוויק־לונג ערקלעהרט, דאס יעדער וואסער־קראפט אונטערנעהמונג קאן אמבעסטען דורכגעפיהרט ווערען, ווען מען וועט זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט גרויסע אינדוסטריעלע קערפערשאפטען, וואס זיינען ספעציאליסטען אין דעם פאך.

מר. וואיט ערקלעהרט, דאס די וויכ־טיגסטע פראבלעמע פאר ארץ ישראל איצט איז, צו קריגען די פאסיגע אומ־שטענדען פאר דיזער ענטוויקלונג.

א פערטעל מיליאן דאלאר צו געבען הלוואות אידישע בעלי־מאכות און הענדלער אין פוילען

דער ערשטער שריט פון דער אמערי־קאנער הילפס־ארבייט צו שטעלען אויף די פיס א גרויסען טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג אין פוילען און ליטא איז שוין געמאכט געווארען: די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט בעשטימט א סומע פון א פערטעל מיליאן דאלאר צו עפענען לייה־קאסעס פאר אידישע בעלי־מלאכות און קליין־הענדלער וואס זא־לען קריגען הלוואות אויף א לאנגען טערמין און אזוי ארום קענען ווערען זעלבסטשטענדיג.

אזעלכע לייהקאסעס עקזיסטירען אויך איצט אין פארשידענע שטעדט, אבער זיי זענען מעהרסטענטס אהן מיטלען און קענען נישט וויגנע איך אויפטהאן, ווען די נייע פערטעל מיליאן דאלאר וועט פארטיילט ווערען צווישען זיי, וועלען זיי זיין אימשטאנדע צו העלפען א סך מעהר מענשען ווי ביז איצט. די פערטעל מיליאן דאלאר וועט געווען א גרויסען נוצען. די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האפט, אז וואס ווייטער וועט זיך גיכער מעהר וועלען די ביזנעסלייט גענוג פארדינען צו מאכען די טויזענדער אידען, וועלכע ווערען יעצט געמאכט אויף די גאס קעגען א פערטעל מיליאן דאלאר אונטערשטיצונג, אז זיי זאלען זיך קענען העלפען אליין.

די פארבעסערונגס וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע ברענגט בסדר אריין אין דער איבערשיקונג פון פריוואט־עט געלדער, האבען געהאלפען אויך צו פארגרעסערען דעם מאקסימום פון געלד וואס יעדערט אנגענומען צום איבערשיקען. אויף רעטראיטער גאסען.

קענען זייענד וואס איפטהאן, דער פער־טער מיליאן דאלאר וועט מעגליך מאכען די דאזיגע קאסעס אנצועקען מיט זייער ארבייט און וועט אויך עפענען נייע קאסעס. פון די איינצאהלונגען, וואס וועלען געמאכט ווערען אויף די הלוואות, וועט געשאפען ווערען א קאפיטאל אויף נייע הלוואות, אזוי, אז די הילף זאל וואס אמאל אלץ ברייטער ווערען.

פריוואט־זענדונגען ביז $200

די פארבעסערונגס וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע ברענגט בסדר אריין אין דער איבערשיקונג פון פריוואט־עטע געלדער, האבען געהאלפען אויך צו פארגרעסערען דעם מאקסימום פון געלד וואס ווערט אנגענומען צום איבערשיקען. אויף רעטראיטער גאסען.

ביז איצט איז די העכסטע סומע, וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע פלעגט אננעהמען, געווען נישט מעהר ווי 125 דאלאר, פון היינט אבער איז די סומע געהעכערט געווארען ביז 200 דא־לאר, און אין פאל די געלד ווערט גע־שיקט איבערצובריינגען אהער א פא־מיליע, וועט מען אננעהמען ביז טויזענד דאלאר.

א וועכענטליכער קורס אויף פוילישע מארקען.

נאך א וויכטיגע אויסבעסערונג איז אריינגעטראגען געווארען אין דעם פרט פון אויסטוישען דעם דאלאר אויף פויל־ישע מארקען. צוליעב דעם פאלען פון פוי־לישען מארק זענען כסדר פארגעקומען מיספערשטענדנישען פון די איבערגע־שיקטע געלדער, און דער קורס פון אויס־צאהלען איז געוועזען זעהר צופעליג. דאס פלעגט ארויסרופען פיעל טענות מצד די איבערשיקער אזוי אויך מצד די, וואס פלעגען דאס געלד בעקומען אין פוילען. די דאזיגע מיספערשטענדניש איז איצט פאלקאם בעזייטיגט געווארען דורך פאל־גענדער איינארדנונג:

א ספעציעלע פינאנציעלע קאמיסיע פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קא־מיטע וועט יעדע וואך בעשטימען א קורס פאר דעם דאלאר און אויף אזא אופן וועט דאס געלד ארויסגעשיקט ווערען נישט אין דאלארס נור אין מארקען אזוי. צום ביישפיעל איז דער קורס פאר דער לעצטער וואך געוועזען 150 מארק פאר׳ן דאלאר, און אלע געלדער וואס זענען פאריגע וואך ארויסגעשיקט געווארען וועלען אין פוילען אויסגעצאהלט ווערען צו דעם דאזיגען קורס, נישט קוקענדיג אויף דעם, צו דער מארק וועט ביז׳ן אויס־צאהלען פאלען אדער זיך הויבען. אויב דער מארק זאל נאך מעהר פאלען און דער קאמיטע זאל בלייבען דער אונטער־שיעד, וועט דאס געלד געהאלטען ווע־רען אויף דעם פאלען, ווען דער קורס פון מארק וועט זיין אין פוילען הע־כער ווי ער איז דא בעשטימט הער וואס

דער שענסטער סטאר אין אוקלאנד פאר סטייל און מעסיגע פרייזען.

ווייפט אין אוקלאנד און סייווט געלד.

לודין און גולדס

741 אוקלאנד עוו.

נעבען קענילווארט

דער סטאר וואס גיט אייך סאטיספעקשאן א גאנץ יאהר, וועט אייך נאך מעהר צופרידענשטעלען איצט.

לכבוד פסח

מיר האבען דעם שעהנסטען אויסוואהל פון

מענס און יונג מענס סוטס

העטס פורנישינגס, די לייטעסט מאדעלס און פעשאנס, אונ־זערע פרייזען העלען אייך איבערראשען.

Ludin & Gould

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלערס.

קעדילאק 2061

די בארימטע

ר׳ב מאיר לאנדאן׳ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר׳ מאיר לאנדאן׳ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייער׳ע ארדערס בעצייטענס

O, K, Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder   Cherry 6203

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
מט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: טעין 3715.

מאנטאג, 29טען מארטש, 1920

ווען א פרוי איז איפערזיכטיג און נענארט

פון ב. י. ג—ן

אן ענטפער צו א דעטראיט'ער לעזערין מים מ.

איך האב געלייענט אמאל א ראמאן אין וועלכען עס ווערט געשילדערט אן איינפאך דינסטמיידעל, וואס האט זיך פארליעבט אין א מיליאנער'ס א זוהן.

זי האט איהם מיט אלע פיברען פון איהר נשמה ליעב געהאט. ווארים שעהן און עדעל איז דער מיליאנערסקער בחור'ל געוועו. און ריידען מיט איהם איז געווען א נחת, א פארגעניגען.

ער האט מיט דעם דינסטמיידעל א סך שטונדען און שפעטערע שעה'ן פון דער נאכט פארבראכט; ער פלעגט פאר איהר לייענען און איהר ערקלעהרען וואס ער לייענט. ער האט איהר געהאלפען זיך בילדען און פאר שטעהן דאס לעבען.

דאס מיידעל האט איט דאנקבארקייט איהם געליעבט אמת און איפערזיכטיג און אויך דער רייכער בחור'ל האט זי געליעבט. אזוי על כל פנים האט ער איהר פארשפראכען, און עס האט שוין געהאלטען דערביי אז ער זאל מיט איהר ערנען אנטליפען און חתונה האבען.

אבער ווי אין אלע ראמאנען, אזוי אויך אין דעם ראמאן, האט סאמע ביים רעכטען עיקר זיך געטראפען א „פלוצים".

דאס „פלוצים" יענע נאכט פאסירט אן אונגליק און דער אלטער מיליאנער איז קראנק געווארען און דער זוהן האט ניט געקענט אנטלויפען, און באלד איז טאקע דער מיליאנער געשטארבען און איבערגעלאזט א צוואה אז זיין פארמעגען געהט איבער צום זוהן, נאר בתנאי אז ער זאל חתונה האבען מיט זיינער א קוזינע, אנדערש זאל מען די ירושה צעטיילען צווישען זיינע ארימע קרובים.

דער מיליאנערסקער חתן האט — ווי מען קען זיך אנשטויסען — חתונה געהאט מיט דער קוזינע.

און דאס דינסטמיידעל?

וועד האט עס אין זינען א דינסטמיידעל?

א נאר איז זי געווען וואס זי האט גאר געקענט אין מינוט דענקען, אז זי איז פאסיג צו זיין א מיליאנער'ס א שנור, נאריש איז זי געווען צו דענקען, אז דער מיליאנער דענקט באמת מיט איהר צו אנטליפען.

זי האט איהם אבער ליעב געהאט און האט דערום זיך ענטשלאסען אנצוקומען צוריק צו איהם אלס דינסט מיידעל.

במילא האט קיינער נישט געוואוסט פון זייער ליעבע און דער מיליאנער האט זיין פארוואלטער א וואונק געגעבען און זי איז אנגעשטעלט געווארען אויף איהר פריהערדיגען פאסטען; זי האט זיך אבער „ארייפגעארביים" און איז געווארען דעם מאדאם'ס באגלייטערין.

עס איז פאראיבער איין יאהר.

די באגלייטערין האט ענטדעקט אז די מאדאם האט אינטימע פארהעלטנישע מיט אנדערע יונגע־לייט הינטער איהר מאן'ס רוקען. זי האט דאס געזעהנליך, דערצעהלט איהר אמאליגען געליעבטען. דאס האט די איפערזוכט זי געטריבען צו זיין א שפיאנקע און דאס האט זי אויך געטריבען צו איפערצייגען דעם מאן, אז זי נארט איהם נישט אפ.

די ענדע איז געווען אז דער מיליאנער האט זיך גע'גט מיט דין רייכער מאדאם און האט חתונה געהאט מיט... אן אנדער מיליאנערשע.

און דאס דינסטמיידעל? ווער געהמט עס אין אכט א דינסט מיידעל, א נים געבילדעטע, אן ארימע, אן אומוויסענדע?

מעהר האט זי שוין ביים מיליאנער נישט געדינט. זי איז באגאנגען זעלבסטמארד.

איך האב דאס דערצעהלט אים עס זאל דיענען פאר אן ענטפער צו א מים מ. וועלכע לעבט דורך ענגליכעס און פרעגט אונז אן עצה.

זי ליעבט א רייכען יונגערמאן, וועלכער האט חתונה געהאט, אויף די עלטערנ'ס פארלאנג, מיט אן אנדער רייך מיידעל.

די מים מ. איז א סטענאגראפערקע ביי דעם רייכען יונגערמאן אין אפיס און זי האט זיך ערשט נים לאנג צוריק דערוואוסט, אז די פרוי פון איהר פריהערדיגען ליעבהאבער איז איהם אומטריי.

— „איך בין פארברענט געווען פון איפערזוכט — שרייבט מים מ. — איך האב אלעס נאכגעשפיאנירט און זיך איפערצייגט אין איהר אומטריי היים און פאלשקיים. מיט דער גאנצער נשמה האב איך איהם ליעב און דענק, אז איך וועל אצינד זיין ליעבע געווינען, און האב דערום באשלאסען איהם איפערקוואם צו מאכען אויף דער פאלשקייט פון זיין פרוי. אבער ווי אזוי זאל איך איהם דערויף איפערקוואם מאכען?"

מיר ווילען נישט אנווייזען דער מים מ. די וועגען און מיטלען, דורך וועלכע זי קען דעם געליעבטען איהרען איפערווייזען דאס אומטרייהיים פון זיין פרוי. מיר ווילען איהר אבער זאגען, אז אויב זי דענקט, אז זי וועט דורכדעם קריגען זיין ליעבע, מאכט זי א גרויסען טעות.

זאל זי נישט ענטוישט בלייבען ווי יענע דינסט מיידעל און זאל עס זי נישט פיהרען צו אזא טרויעריגער ביטערער ענדע.

זי איז ארים, ער איז רייך. זי איז אן אנגעשטעלטע ביי איהם אין אפיס און ער איז איהר באלעבאס. ער וועט מיט איהר נישט חתונה האבען. אויב ער האט איהר אמאל קאמפלימענטען געזאגט, זיינען זיי פאלשע געווען. זאל זי זיך פון קאפ די נארישקייטען ארויסשלאגען.

דערצעהלען דעם מאן, אז זיין ווייב באטריגט איהם און איז איהם פאלש, — דאס איז איהר זאך. אויב זי פארשטעהט אז זי קען דעם מאן ארויסציהען פון א בלאטע אריין אין א סקאנדאל און אויב איהר ווישר פאדערט דאס פון איהר — קען זי דאס יא, אדער נים טאן. דאס ווענדט זיך אן איהר אליין. אויב אבער זי דענקט, אז דערמיט וועט זי לעשען איהר אייפערזוכט האט זי א טעות. אויב זי דענקט אז ער וועט מיט איהר דערפאר חתונה האבען, האט זי אויך א טעות.

אט דאס ווילען מיר דער מים מ. זאגען.

דאס איבעריגע לאזען מיר איבער צו איהר פארשטאנד און צו איהר געוויסען.

הומאר און וויץ

אן עצה פון א קלוגע מיידעלע

א קליין מיידעלע האט זיך אויפגעכאפט ביינאכט און געשריען צו איהר מוטער:

— מאמע ברענג מיר א טרונק, איך בין זעהר דורשטיג.

די מוטער האט זיך געפוילט ארונטערגעהן, און זי האט זיך אנגעבייזערט אויפן קינד:

— אליגע, דו ביזט נים דורשטיג, שלאף דארט, שלאף.

— מאמע, איך בין פארט דורשטיג, איך שטארב פאר דורשט — האט די מיידעלע ווידער געשריען.

— שווייג דארט, שווייג — האט זיך די מוטער ווידער גערייזערט — ווען נים וועל איך באלד ארונטערגעהן און ווער דיר אנשמייסען.

— מאמע — האט זיך דאס קינד אפגערופען — ווען דו וועסט ארונטערגעהן מיך שמייסען ברענג מיר שוין פאר איין וועגס א טרונק.

ריכטיגער באוויז

שואל פון וואנען ווייסט מען, אז ויזתא איז געווען א נאר?

משיב ווייל ווען מען האט גערופען העננען זיין ברידער מיט זיינע ברידער האט זיך ויזתא געשטופט צו דער תליה דער ערשטער.

שואל פון וואנען ווייסט מען, אז ער האט זיך געשטופט?

משיב וואס דען? אזא נאר, א שוטה, וועט זיך נים שטופען?

סיימאן

נים געגוג אויסגעלערנט

גאסט — ראזעלע, איז דיין מאמע אין דער היים?

ראזעלע — ניין, די מאמע איז אוועק אין סטאר עפעס קויפען.

גאסט — ווען קומט זי צוריק?

ראזעלע (רופענדיג הויך) — מאמא! מאמא! וואס זאל איך איצט זאגען?

ווייבאלד אז שטרייפען

דעם ווארדענס אינגעל פלעגט אפט זעהן די ארעסטאנטען אין זייערע געשטרייפטע ארעסטאנטסקע קליידער. איין מאל האט איהם דער פאטער גענומען אין א זאאלאגישען גארטען זעהן די חיות. דער אינגעל האט דערזעהן די געשטרייפטע זעברא.

— זעה ניט, פאפא! — האט ער אויס געשריען — זעה נור דעם מיילעזעל, וואס מען האט אריינגעזעצט אין פריזאן!

רעדענדיג וועגען עטיקעטע

— איך פארשטעה נים, וואס פאר א עטיקעטע דאס איז! — האט איינמאל איינער געזאגט, — צו צונעהמען ביי א מענשען זיין לעצטען סיגארעט איז געגען דער עטיקעטע, אבער צונעהמען ביי איהם זיין לעצטען דאלאר איז אלרייט.

אנגעזאגט בימלעפוסיין

אן איירישמאן איז דער'הרג'עט געווארען אין אן עקספלאזיאן, ביי דער ארביים. זיינע חברים האבען זיך גענומען מישב זיין ווערען מען שיקט צו דער אלמנה איהר אנזאגען פון איהר מאן'ס טויט. מען האט אויסגעקליבען איינעם פון זיי, דעם אינגסטען, און מען האט איהם געזאגט אז ער זאל זיין זעהר פארזיכטיג און איהר אנזאגען די בשורה בימלעפוסיין.

שפעטער, אז ער איז צוריקגעקומען, האט מען איהם געפרעגט:

— נו, ווי האסטו איהר אנגעזאגט?

— גאנץ איינפאך — האט דער יונגער איירישמאן געענטפערט — איך בין אריינגעקומען און צו איהר געזאגט: „מיסיס מעקגינטי, די ביזט שוין איצט אן אלמנה און איך בין נאך א בחור טא לאמיר חתונה האבען."

היינטיגע ווייבלעך!

צוויי קינדערגארטען לעהרערינס זיינען געפאהרען אין א קאר און האבען צווישען זיך גערעדט:

— איך האב איין און צוואנציג קינדער — האט איינע געזאגט.

— און איך האב בלויז נייניעהן — האט די אנדערע געזאגט.

און אלטע אידענע וואס האט דאס צוגעהערט, איז געווארען אויסער זיך און האט אויסגערופען: „אבי מען זאגט אז היינטיגע דורות זיינען זעהר שוואכע! אט האבען זיי צו צוואנציג קינדער און עס איז נאך אויף זיי נים קענטיג".

ער האט געמוזט געהן

א רייכע פילאנטראפקע, וועלכע האט זיך אינטערעסירט אין דער לאגע פון די וואס זיצען אין די פריזאנס, האט איינמאל געפרעגט ביי א פריזאנער:

— זאגט מיר, וואס האט איהר גע-

בראכט אהער?

— זעקס געזונדע פאליסלייט, מיט פינף וואלט אויך נאך ווי עס איז געקענט זיך ארויסדרעהען פון זייערע הענט.

א טויטע פליג קומט אויך צונוץ

צוויי מענער האבען געארדערט צוויי סטייקס אין א רעסטאראנט. ווען זיי האבען אפגעגעסען האט איינער פון זיי געפונען א פליעג אין טעלער. ער האט ביין צוגערופען דעם ווייטער, און דער לעצטער האט זיך שטארק ענטשולדיגט און געבראכט אן אנדער סטייק.

— איצט אנטליה מיר דיין פליעג.

פנחס גליקמאן

איהר אייגענער נוסח

מצבה שניצער — מאדאם, איך האב פערפאסט א שעהנעם אויפשריפט פאר אייער מאן'ס מצבה, הערט:

אט דא לעג איך מיך אנידער,
און האף אויפשטעהן ווידער.

אלמנה — ניין, איך האב אליין פערפאסט א בעסערען אויפשריפט:

ליעג רוהיג אין דיין רוה,
אזוי ווינשט דיר דיין טייערע פרוי.

אלין איז שטויב

בעל הבית'טע (צום דינסט מיידעל)

— וואו איז דער שליסעל פון דער פראנט רום?

דיענסט — איך האב איהם ביי מיר.

בעל הבית'טע — צו וואס האסטו פארשלאסען?

דיענסט — ווייל איהר האט געזאגט זו איהר ווילט שוין מעהר ניט זעהן דעם שטויב וואס ליעגט אויף די פארני־טשור!..

נעבעך

די פינף יעהריגע ענני האט געטראפען אן אונגליק. איהר קליינע דאל (פופע) איז ארונטערגעפאלען און זיך צעבראכען דעם פארצעלייענעם קאפ. ענני האט גענומען וויינען מיט ביטערע קולות: „מאי פור דאלל, מאי פור דאל!"

איהר מוטער איז צוגעקומען איהר טרייסטען און זאגען אז זי זאל ניט וויינען, ווייל עס איז פארפאלען און מען קען ניט העלפען.

— אך, מאמעלע — האט די קליינע ענני געזאגט, — דו ווייסט דאך ניט וואס עס הייסט פארליערען א קינד.

בעטלער — שענקט מיר עפעס, מיין הערר.

הערר — אזא געזונטען קערל ווי דו גיב איך ניט.

בעטלער — וואס האט איהר געוואלט אז צוליעב אייער פעני זאל איך ווערען א קריפעל?

— ווי שעהמסטו זיך נים אזוי פיעל צו טרינקען?

— איך וויל מיינע צרות דערטרינקען.

— ווענען זיי נאך אלין נים דערטרונקען?

— ניין, זיי קענען, ווייזט אויס, שווימען.

דערווייל אפגעלייגט

מרס. א. וואס הערט זיך מיט אייער טאכטערס חתונה?

מרס. ב. — די חתונה איז אפגעלייגט געווארען.

מרס. א. — פארוואס?

מרס. ב. ווייל זי האט חתונה געהאט מיט אנאנדערען.

די „אויסלענדער" אין פוילען

ווי דאס לאנדאנער איד. קאר. ביורא האט שוין מודיע געווען אין א פריהערדיגען באריכט האלט די פוילישע מאכט ביים אנערקענען אלס אויסלענדער די אלע אידען וועלכע האבען זיך נישט רעגיסטרירט אלס שטענדיגע איינוואוינער אין די שטעט, וועלכע פלעגען זיך געפינען אונטער דער רוסישער מאכט.

אין ווארשא איז פארעפענטליכט געווארען א פאראדנונג די דאזיגע לייט זאלען פארלאזען אין משך פון 24 שעה זייערע הייזער, וועלכע ווערען רעקווירט דורך די אויטאריטעטען. די זעלבע מאסרעגלען ווערען אויך אנגענומען אין די פראווינצען.

די „אויסלענדער" אין לובלין, למשל, האט מען פאראדנעט צו פארלאזען די שטאט און זייערע וואוינונגען וועלען קאנפיסקירט ווערען.

די קאנגרעגיישאן בית יעקב

מאכט באקאנט אז גאנץ יום טוב פסח וועט דאווענען

חזן רוטמאן מיט'ן קווייער

פרייז פון טיקעטס 1 דאלאר פאר'ן בענעפיט פון דער קאנגרעגיישאן. יעדער איד וואס וויל האבען אן אמת'ן עונג יום טוב זאל ניט פארפעהלען צו הערען דיזען בארימטען און באנאבטען חזן מיט זיין כאר.

בריעף קאסטען

שטענדיגער לעזער, וואס פרעגט אן ביי די ליגעל אדווייזערס, ווענען זיין שוואגער וואס האט פארלאזט זיין פרוי. — מיר קענען אייך קיין ענטפער נים געבען. כל זמן איהר וועט אונז נים ארויסשרייבען דעם אדרעס און אייער נאמען. אפילו ווען איהר ווילט אז אייער נאמען זאל נים געדרוקט זיין, דארף אבער די רעדאקציע וויסען אז דער שרייבער האט א נאמען.

ראזען — האט איהר א פלאן פאר עטוואס, און ווילט אויסנוצען דיא צייטונג צו דער הילף פון דיזען פלאן, דאן דארפט איהר אויסלעגען אייער פלאן קלאהר און שארף. אייער בריעף ווענגע אייערע פלענער טראגט מעהר דעם כאראקטער פון אן אדווערטייזמענט, ווייל איהר הייסט זיך שיקען פאסטקארטלען און דערמאהנט נישט א ווארט וועגען אייער פלאן.

סעם קיטניק — מיר קענען אייך צוריקגעבען דעם אריגינעלען בריעף פון דייוויד האהאראק.

מר. לעווין (פרעז. פון מעות חיטים) איהר האט אונז פארשפראכען מיט אייבער א וואך צוריק צו שיקען די קאלעקטארס און ביז איצט זיינען זיי אין רעדאקציע נישט געווען.

ס. אלפערט (2010 ראסעל סט.) — 1) אווהאי קען מען אייך שיקען די צייטונג קיין קא. יפארניע; 2) עס איז אומ מעגליך אצינד צו ריידען וועגען אימיגראציע קיין פאלעסטינא. דוקא פאר עלטערע פרוי איז שווער אצינד אהין אריינצוקומען.

נויארק סטאר קלאדינג קא.
596 הייסטינגס סטריט

זענט איהר איינגעלאדען צו באטראכטען אונזער
ספעשיל לכבוד פסח
ספרינג סוטס,
טאפ קאוטס
און
העטס, דזשענטס פורנישינג, יאנג מענס און בויס קלאדינג
פרייזען די ביליגסטע אין שטאדט
P. Bunin, Prop.

מאנישעוויטץ ניט סינסינעטי

ניט אלע סינסינעטיער מצות זיינען מאנישעוויטץ'ס. דעריבער דארפט איהר אין זינען האבען ווען איהר ארדערט אייער מצה ניט צו זאגען „סינסינעטי מצה". נאר אויסדריקליך פאדערען

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאכט קלאר פאר אייער גראסער, פעדלער אדער דיעלער, אז איהר וועט קיין אנדערע ניט נעהמען, און אז אייך קען מען ניט נארען.

ריזיקירט ניט מיט אייער עונג יום טוב פסח — זעהט אז איהר זאלט האבען מאנישעוויטץ'ס מצה ביי אייער פסח טיש, ווייל נאר די וועט אייך געבען אן אמת'ען עונג יום טוב.

מיט מאנישעוויטץ מצה מעהל, קעיק מעהל און פארפעל, קומען ארויס די פסח'דיגע מאכלים געשמאקער און בעסער

ניו־יארק אפיס:
1 יוניאן סקווער

די ב. מאנישעוויטץ קא.
סינסינעטי, אהייא

B. MANISCHEWITZ CO., CINCINNATI, OHIO



Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
etroit Office 255 Napoleon St

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

The GREAT WESTERN GROCERY Co.
WHOLESALE-EXPORT-IMPORT

וואטשט אונזער אפענינג

ספעשעל פיר גראסערי לייטע

א נייע האלסייל גראסערי קא. פיר אייך גראסערי לייטע

פאר צעהן יאהר עקספיריענס אין דער גראסערי ליין און צוזעהענדיג ווי באנעהט זיך מיט אייך גראסערי לייטע, האבען מיר באשלאסען צו עפענען א גרויסען האלסייל גראסערי פלאץ אין 219 נאפאלעאן סטר. קאר. ריווארד און מיר פארזיכערען אייך אז פון אונזער האלסייל וועט איהר פאלשטענדיג צופרידען זיין. מיר האבען באשלאסען צו פארקויפען סחורה אזוי ביליג ווי נאר מעגליך, כדי איהר גראסערי לייטע זאלט אויך קענען קאנקורירען מיט אייערע קאנקורענטען

מיר גאראנטירען אייך פאר גוטע סירוויס

די גרייט וועסטערן גראסערי קאמפאני
219 נאפאלעאן קאר. ריווארד

מיט גרוס אייך, אלעמענס באוואוסטע עליאס עפשטיין און געלמאן ברידער.

וואטשט דיזען פלאץ פאר אונזערע ווייטערדיגע אדווערטייזמענטס.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorozed by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Tuesday, March 30th 1920 Vol. 2, No 41 דינסטאג מארטש 30טער 1920

עבערט דראהט רוהר-ארבייטער אנצונעהמען שטרענגע מיטלען

בערלין, מארטש 29. — נעכטען האט די עבערט רעגירונג ארויסגעלאזט א מאניפעסט, דאס שטרענגע מיטלען וועלען אנגענומען ווערען איינצושטעלען ארדנונג און צו פארטיידיגען דאס דייטשע פאלק געגען „אונגעזעצליכער טעטיגקייט", אויב די פיהרער פון די ספארטאקאנער אין דעם רוהר־געגענד וועלען ניט געבען קיינע גענוגענדע גאראנטיעס ביז'ן 30־טען מארטש (היינט) צו 6נג. פאן וואטער, אז די געשעהענישען פון דער לעצטער וואך וועלען זיך מעהר ניט ווידערהאלען.

די פאלגענדע באדינגונגען לעגט די רעגירונג פאר די ארבייטער אויף צו־שליסען פריעדען:

דאס אנקאדיציאנעלע אנערקענען פון דער קאנסטיטוציאנעלער מאכט פון'ם דייטשען שטאט.

דאס צוריקשטעלען פון ציווילע און פאליציאיישע מאכט, סיידען זיי האבען גענומען אן אנטייל אין דער רעאקציאנערער איבערקערעניש פון קאפ.

דאס זאפארטיגע באפרייען פון ארעסטירטע.

אויב דיעזע באדינגונגען וועלען פון די ארבייטער אנגענומען ווערען, וועט דאן די רעגירונג ניט אריינמישען זיך, אין פאל אבער די ארבייטער וועלען זיך ענטזאגען איינצושטימען אויף זיי, וועט דאן גענ. פאן וואטער באפאלמעכטיגט ווערען צו מארשירען מיט זיינע טרופען אין דעם רוהר געגענד.

דער מאניפעסט ווייזט ווייטער אן, דאס דער אפמאך פון בעלעפעלד איז פון די ארבייטער ניט אויסגעפאלגט געווארען און זיי אטאקירען נאך אלץ די שטאדט וועזעל.

בערלין, מארטש 29. — די אלגעמיינע מיינונג דא איז, אז אן אפמאך וועט געמאכט ווערען צווישען די ארבייטער פון רוהר געגענד און דער רעגירונג.

דריי פארשטעהער פון דער נייער רעגירונג זענען אנגעקומען אין דוסעלדארף און זיי האבען גלייך געהאט א קאנפערענץ מיט דער צענטראל־קאמיטע פון ד' ארבייטער.

לאנדאן, מארטש 29. — א דעפעש פון בערלין מעלדעט, דאס מאיאר פלוג און נאך פיער אנדערע אפיצערען, וועלכע האבען זיך איינגעצייכענט אין דער קאפ־איבערקערעניש זענען נעכטען דערהרג'עט געווארען דורך א האנט־גראנאט, וועלכע איז געווארפען געווארען אויף איר אויטאמאביל, אין וועלכען זיי זענען געפאהרען.

מאיאר פלוג האט פארפיהרט א געשלעג מיט די סאציאליסטען פון פרידריכסהאפען.

א טעלעגראמע פון בודעריק גיט איבער, דאס די רייכסוועהר טרופען האבען פארנומען דינסלאקען, א שטעדטיל אכט מייל פון וועזעל.

די האפנונג, אז די נייער קאבינעט וועט קריגען א ווארעמע אויפנאהמע פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג, ווערט איצט אלץ שוואכער. און מ'דענקט דאז ס'וועט באלד מוזען פארקומען א נייער איבערקערעניש פון די פערזאנען, וועלכע זאלען קענען האבען דעם צוטרויען פון די בריטישע מאסען.

פאריז, מארטש 29. — ס'איז דא ערהאלטען געווארען א אבסאלוטע באשטעטיגונג, דאס רעגולערע טרופען פון דער דייטשער ארמיי זענען אריין אין דעם רוהר געגענד באהעפט לעבען נייטראלען קרייז פון דער אליאירטער אקופאציע, ניט קריגענדיג אויף דעם קיין ערלויבניש פון די עליירטע.

דיעזע פאסירונג, גלויבט מען, וועט באטראכט ווערען אויף דעם העכסטען אליאירטען ראט אין לאנדאן. די פראנצויזען זאגען, דאס זיי קענען ניט געפינען קיין שום ענטשולדיגונג פאר דיעזען אקט פון דער דייטשער רעגירונג.

לויט דעם ווערסאלער אפמאך, טאר דייטשלאנד אין דעם רוהר געגענד ניט האבען קיין רעגולערע ארמיי און די פראנצויזען באטראכטען דאס שיקען פון סאלדאטען אין בעזעצטער געגענד איז א פאקט פון ניט נאכקומען דעם שלום אפמאך.

רויבער מאכען אן צופיעל טו־מעל ביי דער ארבייט

דורך דעם וואס זיי האבען אנגעמאכט צו פיעל טומעל ביי דער ארבייט, האט זיך צוויי באנדיטען לעצטען זונטאג ניט איינגעגעבען צו מאכען א גוטען דזשאב, ווען זיי האבען געהאלטען אין טראגען א געגנב'עטע סייף פון דעם סטענדערד אויל סטיישאן, לאפאיעט סט., צו א „געזיכערטען" פלאץ, וואו זיי זאלען עס קענען אויפברעכען און זיך צוטיילען מיט'ן געלט.

אבער ווי עס ווייזט אויס, איז זייער נייגעריגקייט צו וויסען וויפיל געלט עס איז דא אין סייף געווען אזוי גרויס, אז זיי האבען באשלאסען זיך אפצושטעלען אין מיטען וועג און מאכען דעם דזשאב. זיי האבען די סייף אריינגעטראגען אין אלעע צווישען פארטער און בייקער סטרים און האבען אנגעפאנגען באראבאנעווען איבער'ן סייף מיט א האק און האמער.

האט זיך געמאכט א מעשה, אז פאליסמאן האראלד קאלינס, וועלכער איז, ווייזט אויס זעהר מוזיקאליש, האט באלד אויפגעכאפט די זיסע קלאנגען פון „האק־סייף־האמער"־ליעד, און האט באשלאסען צוצוקומען נעהענטער און זעהן וואס דארטען טוט זיך.

צוקומענדיג צום „קאנצערט"־פלאץ האט דער פאליסמאן באמערקט ווי די אויבערשטע טיר פון דער סייף איז שוין אין גאנצען צוקלאפט און מ'האט שוין געהאלטען ביי דער אינוועניגסטער.

אזוי שנעל ווי זיי האבען דערזעהן דעם פאליסמאן, האבען זיי אפגעסטאפט דעם „קאנצערט", איבערגעלאזען די אינסטרומענטען מיט הכל בכל, און געשטעלט פיס.

די סייף איז גלייך צוגענומען געווארען אין טראמבעל פאליס־סטיישאן. דאס גאנצע געלט איז געראטעוועט.

קאוזענס זאגט הויפט־שטרייט איז באדיענונג

דאס „סטענדיגע ווידערהאלען פון דער ד. יו. אר. און איהרע ארויסהעלפער אין זייערע סטייטמענטס, אז דער פארגעשלאגענער פלאן פון שטאטישע קארליינס איז א סיסטעם פון „פיעס־מיעל" און נאך אזעלכע עהנליכע נעמען, איז, לויט מעיאר קאוזענס מיינונג, א באווייז אז ענטוועדער דאס איז א רעזולטאט פון בלינדער נאריסקייט, אדער א באוואוסטזיניגער ליגען.

„איינער דארף נאר א קוק טאן אויף דער מאפע פון דער פארגעשלאגענער מוניציפאלער סיסטעם — האט קאוזענס געזאגט — בדי ער זאל זעהן ווי נאריש און ביזוויליג דיעזע סטייטמענטס זענען. דיעזע מאפע ווייזט אן אויף דריי פאלקאמע „בעלט ליינס" וואס געהען צו נארט פון טייך אויף איסט און וועסט זייט און פאראייניגען זיך מיט „קראוסטאון ליינס. אויסער דעם, פאראייניגען זיך דיעזע ליינס מיט אנדערע, וועלכע פיהרען צום הארץ פון דאון־טאון.

די גאנצע פראגע, האט דער מעיאר ווייטער געזאגט, איז א פראגע פון באדיענונג, אנגייענדיג. אז דאס צוזאגען פון דער די. יו. אר. איז נאר ניט ווערט. אויב די שטאדט איז ניט בכח צו צווינגען זי צו געבען די נויטיגע באדיענונג.

$600,000 גע'גנב'עטע דראגס ענטדעקט פון היגער פאליציי

לעצטען שבת האט די היגע פאליציי ענטדעקט א בארעל מיט שעדליכע דראגס, אויף דעם ווערט פון $6000.000. די דאזיגע נארקאטישע דראגס זיינען געגנב'עט געווארען פון פארק, דייוויס און קאמפ.

די בארעל איז געפונען געווארען באגראבען אויף א פארם 7 מייל פון פאנטיאק. צוויי יונגע לייט, וויל וואודברידזש, 298 מאנטגאמערי עוו., און קארל ביינער, 487 מעריק עוועניו, זיינען ארעסטירט געווארען אלס די גנבים פון דיעזע דראגס.

די מעשה פון דיעזער באהאלטענער בארעל איז צו דער פאליציי געקומען דורך איינעם א וויליאם גולד, פון קאמערס, א דארף נעבען פאנטיאק. גולד האט דערצעהלט, אז ער איז אנגעדונגען געווארען פון וואודברידזש'ן, ער זאל איבערטראגען די בארעל צו א פארם וואס באלאנגט צו וואודברידזש'עס טאטען. אין יענעם טאג איז געגאנגען א גרויסער שנעע און ער האט באשלאסען דערווייל, מיטצונעהמען דאס בארעל צו זיך אהיים ביז דער שנעע וועט זיין פאראיבער. רעכענענדיג, אז אין בארעל געפינט זיך שנאפס, האט ער עס געעפענט. ווען וואודברידזש איז געקומען און געטראפען דאס בארעל אפען, האט ער גוט אויסגעצאהלט גולד'ן פאר דער העזה צו עפענען פרעמדע בארעלס און האט געכאפט דעם אוצר און אליין עס אוועקגעטראגען אויף זיין טאטענס פארם, וואו ער האט עס מקבר געווען.

ווען אינספעקטאר דייטריטש האט זיך דערוואוסט פון דער מעשה, האט ער באלד אוועקגעשיקט זיין אסיסטענט מר. גאי בראפטאן קיין פאנטיאק.

בראפטאן האט פון אנפאנג ניט געקענט [illegible] דאס פלאץ וואו דאס בארעל [illegible]גראבען. ער האט בלויז געפו[illegible]ע סמנים פון דראנאש אין א [illegible] האט ער זיך אומגעקעהרט קיין [illegible]ראיט און ארעסטירט וואודברידזש'ן, [illegible]ן דערנאך ביינער'ן, ביי וועמען ער האט געפונען א סוטקייס אנגעפילט מיט אלערליי דראגס.

ביידע ארעסטירטע יונגע לייט האבען זיך מודה געווען אין דער גנבה.

Public Library 42nd and 5th Ave

רעוואלווער-דועל צווישען פאליציי און אויטאמאביל באנדיטען

נעכטען בייטאג איז פארגעקומען א שרעקליכער רעוואלווער־דועל צווישען באנדיטען און פאליציי אויף די גאסען פון דעטראיט.

דער דועל איז פארגעקומען אין אן אויטאמאביל געיעג. גענומען האט זיך די געיעג פון א רעפארט וואס איז אריינגעבראכט געווארען אין פאליס דעפארטמענט, אז אן אויטאמאביל, וואס גליען פריין פון 146 פיעלד עוועניו האט רעפרעזענטירט צו זיין כלה לעצטען שבת איז גע'גנב'עט געווארען.

מאנטאג פריה זיינען די דעטעקטיווס ראקער און וואהלען ארויסגערופען געווארען מיט א מאשין זוכען דעם אויטאמאביל. ווען זיי זענען אנגעקומען אויף קאסס עוועניו און הענרי סטריט האבען זיי באמערקט ווי דריי חברה טרייבען דעם גע־גנב'עטען אויטאמאביל, מיט א גוואלדיגער שנעלקייט.

די דעטעקטיווס האבען באלד אויסגעשאסען פון זייערע רעוואלווערען, אלס ווארנונג זיי זאלען זיך אפשטעלען, אבער אנשטאט צו בלייבען שטעהן, האבען זיי גענומען שיסען אויף צוריק. האט זיך אנגעפאנגען אזא שרעקליכע שיסעריי, אז ס'איז נאר א וואונדער וואס עס האט ניט געשאדט קיינעם פון די פארבייגעהער.

דער געיעג האט אנגעהאלטען ארום 15 מינוט. אנקומענדיג אויף גרענד ריווער עוועניו, קארנער האבבאר, זיינען די באנדיטען ארויסגעשפרונגען פון אויטאמאביל, זיך באהאלטען אין א הויף פון א בילדינג וואס האלט זיך נאך ערשט אין בויען און פארגעזעצט די שיסעריי.

אבער ענדליך איז ביי זיי די אמוניציע אויסגעגאנגען און די דעטעקטיווס האבען זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט און ארעסטירט די 3 תכשיטים. זייערע נעמען זיינען: עה. קאזשאטשעפסקי, 178 צווייטע עוועניו; דזשאהן לעמעי, 80 אבאט סטריט און ערנסט לענידזשער, 146 סוויפט עוו.

ארביטריישאן באָרד פאר סכסוכים צווישען לענדלארדס און טענענטס

שלאגט פאר אן ארביטריישאן באָרד פאר סכסוכים צווישען לענדלארדס און טענאנטס

קאלאנעל אסקאר א. דזשיימס, אלדערמאן פון הייאלאנד פארק, האט נעכטען פארגעשלאגען ביי א מיטינג פון דעם הייאלאנד פארק סיטי קאונסיל, אז עס זאל באשטעלט ווערען א פארמיטלונגס קערפערשאפט, וועלכע וועט האבען צו שליכטען די סכסוכים, וואס וואקסען ארויס צווישען לענדלארדס און טענאנטס.

קאלאנעל דזשיימס האט ערקלערט, אז די לאגע איז יעצט אזעלכע, אז עפעס מוז געטאן ווערען. פרויען און קינדער ווערען ארויסגעווארפען אין די גאסען צו זאמען מיט זייער הויזבאלעבאטישקייט פאר דעם איינציגען חטא וואס זיי קענען ניט צאהלען די הימעל־הויכע רענט, וואס לענדלארדס הייסען זיך געבען דיא לעצטע צייט.

„די באָארד — אויב זי וועט עטאבלירט ווערען — האט קאלאנעל דזשיימס ווייטער געזאגט — וועט האבען עפענטליכע „הירינגס" און איהרע באשלוסען וועלען אויך זיין עפענטליך. אזוי ארום וועלען אונזערע הויז שינדערישע פראפיטירער געשטעלט ווערען צו דער שאנד־קלאָץ און זיי וועלען זיין געצוואונגען צו ווערען אביסעל אנשטענדיגער".

קאלאנעל דזשיימס האט פארזיכערט אז מיט אן ארביטריישאן באארד, קען 70 פראצענט פון די דיספיוטען צווישען לענדלארדס און טענאנטס איינגעמידען ווערען.

„אין א ווינקעל פון דעטראיט"

דאס איז דער נאמען פון דעם נייעם ראמאן געשריבען ספעציעל פאר'ן „וועג" פון

ב. איסאַוויטש

וואס וועט זיך אנהויבען צו דרוקען אינים פסח נומער.

דער פסח נומער פון „וועג" וועט זיין א סורפריז, עס וועלען זיך באטהייליגען:

משה נאדיר, מנחם, מרים קאפילאוו, משה טאלטשין, עליאש, ש. פאן, ישראלי ארטור עסעלין, ש. נעפאם, ר' ברוך'ל און אונזערע רעדאקציאנעלער שטאב.

שרעקליכער שטורם אין אכט שטא־טען פאראורזאכט גרויסען חורבן

אין גרענד ראפידס, מיש., האט דער בען לעצטען זונטאג אווענט אין 8 שטאטען און אנגעמאכט א שרעקליכען חורבן — טויזענדער הייזער זיינען צושטערט געווארען, הונדערטער מענשען געטויטעט און דער שאדען אין אייגענטום איז אזוי גרויס, אז מען קען נאך פארלויפיג גענוי ניט אפשאצען. עס איז אבער זיכער, אז עס גרייכט אין שווערע מיליאנען.

דער שטורם איז פארגעקומען אין פאלגענדע שטאטען: אילינאיז, אינדיאנא, וויסקאנסין, איאהייא, מישיגאן, אלבאמא, מיזורי, און דזשארדזשיא. אין מישיגאן איז דער שטורם געווען פארהעלטניסמעסיג קלענער ווי אין די אנדערע שטאטען. דער גרויסער „שטורם־רעגען" אין דעטראיט האט צושטערט פיעלע עלעקטרישע דראטען און אנגעמאכט אנדערע היזקות. דער שאדען אין דעטראיט ווערט געשאצט ביז $100.000.

אין איינגע פלעצער פון סטייט מישיגען איז דער שטורם פארגעקומען זונטאג ארום 4 א זייגער בייטאג.

דעטראיט האט דער שטורם־רעגען דערגרייכט ארום 8.30 אין אווענט.

גרענד ראפידס, מיש., האט דער שטורם דערגרייכט זונטאג בייטאג. ביימער, טעלעפאן־סלופעס, און סיין־בארדס זיינען ארונטערגעריסען געווארען, די עלעקטריציטעט צושטערט און אלע קארס זיינען געבליבען שטעהן. דער דאך פונם סיטי טראסט בענק בילדינג איז ארונטערגעריסען געווארען און אנדערע הייזער צושטערט.

איינגע הייזער אין פיין לייק, א זומער־רעזארט 10 מייל פון באטעל בריק, זיינען צושטערט געווארען און דער שאדען ווערט געשאצט ארום $75.000

25 טויט און הונדערטער פאר־וואונדעט אין שיקאגא

שיקאגא, מארטש 28. — ווייניגסטענס אקים 24 טויט, הונדערטער פארוואונדעט און מיליאנען דאלאר שאדען, איז דער רעזולטאט פון דעם גרויסען שטורם וואס האט דא היינט געבושעוועט.

די אומגעגענדען ארום שיקאגא, עלגין און דזשאליעט זיינען פאקטיש חרוב געווארען. הונדערטער בילדינגס זיינען אומגעפאלען, ביימער זיינען אויסגעריסען געווארען און דער באהן פארקעהר איז צוקריפעלט, די טעלעפאן און טעלעגראף פארבינדונג איבערגעריסען.

אמשטארקסטען האט דער שטורם געבושעוועט אין עלגין. 8 זיינען טויט, מעהר ווי הונדערט פארוואונדעט. דער פארלוסט פון אייגענטום ווערט געשאצט ביז $4.000.000

9 מענשען אומגעקומען אין מישיגאן.

9 טויט, פיעל פארוואונדעט און טויזענדער דאלאר שאדען, איז דער רעזולטאט פון דעם שטורם אין מישיגאן סטייט. דער גרעסטער חורבן איז פארגעקומען אין מערב זייט פון באטעל בריק און אינ'ם פלענטאן געגענד.

די באוואוסטע רשימה פון די הרוגים אין דעם שטורם איז דערווייל ווי פאלגט:

גענעסי קאונטי, מישיגאן, נעבען פלינט, 4; באטעל קריק, 3; הארט, 1

שיקאגא דיסטריקט: — 29. ארייננגערעכענט די אכט פון עלגין צוויי אין שיקאגא 7 אין מעלראוז פארק און פיער אין דיונינג.

אהייא: — ראבאס קארנערס, 3; טאלידא, 2; נענוא, 2; סילוויניא, 2; נעשוויל, 4; קליוולאנד, 1; רענאלעט, 3; בוירנסבורג, 4; וואין ווערט, 3; מאולטאן, 3; לימא, 1;

אינדיאנא: — וועסט ליבערטי, 7; זולו, 5; זשעענווא, 3; פארטלאנד, 7; מאנראוויל, 1; טאונלי, 1.

אין די סאוטה: — לא גראנזש, דזשארדזשיא און וועסט פאינט, דזשארדזשיא, 50; אגריקאלא, אלא, 5. סט. לואיס — 1; איסט טראי, וויסקאנסין, 1;

דאס איז ווי געזאגט דער פארלויפיגער ליסט, וועלכער איז נאך ווייט ניט פאלקאם.

יין'כשר לפסח !

די סטאר פאר כשר יין לפסח אונטער די השגחה פון הרב הגאון לעווין איז 951 הייסטינגס סטריט. זיך ווענדען צו רעוו. שקלאר דעם שוחט סעקרעטארי פון קאנגרעגיישאן מגן אברהם 244 פאינסווארטה טעל. נארטהוויי 2006 וו.

2 דעטראיטער „געזעץ־היטער" גע־כאפט ביים נעהמען גראפט

פאליסמאן אלבערט ענגליש איז אויסגשלאסען געווארען פון פאליס דעפארטמענט און דעפיוטי שעריף לואיס פיטערס איז געשטעלט געווארען אונטער ארעסט נאך אן אונטערזוכונג וואס האט באוויזען, אז די צוויי „געזעץ היטער" האבען גענומען גראפט רעכטס און לינקס.

די דאזיגע צוויי „אפהיטער פון דער מאראל" האבען געטאן אין קליינינקייט: זיי האבען א שטיק צייט פארזארגט רומס אין דאון־טאון־האטעלס פאר „אומגעזעצליכע פארלאך'. זיי פלעגען דערפאר קריגען א שעהנעם קאמישאן.

עס האט לאנג ניט געדויערט און אין פאליס דעפארטמענט האט זיך דערטראגען א קלאנג, אז די אויבענדערמאנטע 2 פאליסלייט פיהרען לינקע געשעפטען. מען האט אנגעפאנגען שפיאנירען און מען האט אויסגעפונען, אז זיי דרעהען זיך ארום אין די האטעלס בלויזשט אלס געהיים־אגענטען, אבער אין דער אמת'ען זיינען זיי אפטע געסט אין די רומס וואו עס ווערען געפראוועט געהיימע ארגיעס.

עס ווייזט זיך יעצט ארויס, אז דיא דאזיגע 2 חברה פלעגען באזוכען האטעל צימערען און סטראשען די לינקע פארלאך פון דארטען, אז אין פאל, זיי וועלען ניט קריגען קיין באצאהל, וועלען זיי ארעסטירען. זיי האבען אויף אזא אופן ארויסגעפרעסט פון זייערע קרבנות גרויסע סומען געלט אדער אנדערע ווערטבארע זאכען. מען האט, צום ביישפיעל, ביי ענגליש'ן געפונען א דיימאנט רינג, וועלכען ער האט „געקראגען" אלס כאבאר פון אן אומאנשטענדיגער פרוי.

די 2 גרעפטערס האבען זיך מודה געווען אין זייערע וואיילע מעשים, אבער זיי האבען אנגעגעבען אן אורזאכע, אז די קליינע זויידושעס וואס פאליסלייט קריגען, האבען זיי געצוואונגען דאס צו טאן.

אויסגעשלאסענער סאציאליסט דערצעהלט דעטראיטער עולם וועגען סוויט'ס מעשים

לואיס וואלדמאן, איינער פון די פינף אויסגעשלאסענע אסעמבלימען פון דער אלבאני"ער לעדזשיסלייטשור, האט לעצטען זונטאג גערעדט אין היגען לייבאר פארום וועגען דער געשיכטע פון ספיקער סוויט"ס אויפטהו אויסצושליסען געזעצליך־ערוועהלטע סאציאליסטען פון דער געזעצגעבענדער קערפערשאפט.

ער האט איבערגעגעבען, ווי אזוי ער און די איבעריגע 4 סאציאליסטישע אסעמבלי לייט זענען אינ"ם ערשטען טאג פון דער סעסיע צוגערופען געווארען צו ספיקער סוויט און אין דער אנוועזנהייט פון א גרויסער צאהל פערזאנען, זענען זיי איינציגווייז ארויסגעפיהרט געווארען פון צימער.

לויט וואלדמאנ'ס מיינונג, האט דער געזעץ־פארשלאג פון „סעדישאן" געהאט א מפלה אינם קאנגרעס, נאר א דאנק דער רעאקציאנערער האנדלונג פון דער נויארקער לעדזשיסלייטשור.

„איך בין ניט געווען פאראינטערעסירט אין מיין משפט אלס סאציאליסט — האט מר. וואלדמאן געזאגט — זיי קענען ניט פארניכטען סאציאליזם דורך אזעלכע מיטלען, און דאס, וואס זיי האבען געטאן וועט נאך מעהר נוצען ברענגען אונזער סאציאליסטישער באוועגונג. איך רעד דארום וועגען מיין משפט ניט אלס סאציאליסט, נאר אלס בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען".

מר. וואלדמאן האט דאן אנגעוויזען, ווי ווייט אונלאגיש מר. סוויט און זיינע ארויסהעלפער האבען געהאנדעלט.

„זיי, די הערשענדע קלאסען, זאגען דאך צו די אנארכיסטען — האט מר. וואלדמאן געזאגט, — דאס איהר קענט ניט אנווענדען געוואלט־מיטלען, ווייל אמעריקא איז א פרייעס לאנד און יעדער קען פראפאגאנדירען זיין מיינונג און זיינע אידעאלען דורך פרידליכע מיטלען און איהר קענט שטימען איבער דעם אידעאל וואס איהר האלט הייליג.

„איצט אבער — האט דער רעדנער פארגעזעצט — קעהרען זיי זיך אום צו די סאציאליסטען, וועלכע האבען שטענדיג געפיידיגט געגען געוואלט־מיטלען און זענען שטענדיג געווען פאר אנווענדען קאנסטיטוציאנעלע מיטלען אין זייער שטרעבען איבערצוקייטען די איצטיגע ארדנונג, און זאגען: אייערע פארשטעהער וועלען ניט זיצען אין דער געזעצגעבענדער קערפערשאפט".

מר. וואלדמאן איז דאן איבערגעגאנגען צו די אונגערעכטע מעטאדען פונ'ם משפט גופא. די ריכטער זענען געווען פון די יעניגע — האט ער געזאגט — וועלכע האבען געשטימט פאר דער אויסשליסונג פון די 5 סאציאליסטען און דאס אליין באווייזט, אז זיי האבען די באשולדיגטע שוין פון פריהער באטראכט אלס שולדיגע.

„דער כלל איז דאך אבער — האט מר. וואלדמאן געזאגט, — דער אנגעקלאגטער ווערט ביז'ן פסק באטראכט אלס אומשולדיג".

מר. וואלדמאן האט ווייטער אנגעוויזען, דאס אלע צייטונגען פון נויארק און די גרעסטע צאהל איבער"ן לאנד האבען זיך ארויסגעזאגט געגען דער נויארק אסעמבלי, פארדאמענדיג איהר אונדעמאקראטישען אקט, און אז אזעלכע מענשען, ווי טשארלס יוהז און רעווערענד־פאטער רייען און די מיטגלידער פון דער נויארקער באר אסאסיאיישאן זענען ספעציעל געקומען צום משפט פראטעסטירען געגען סוויט"ס האנדלונג.

דער רעדנער האט געזאגט, דאס דיא אלע באווייזע, וואס זיינען צוזאמענגעקליבען געווארען געגען די 5 אויסגעשלאסענע סאציאליסטען האבען אפגעקאסט דעם שטאט נויארק $500,000, אין דער צייט, וואס מ'האט זיי, די באווייזע געקענט קויפען אין יעדען בוך־געשעפט פאר 9 דאלאר מיט 98 סענט.

מר. וואלדמאן האט דאן איבערגע[illegible]בענט די 5 פונקטען אויף וועלכע ספיקער סוויט האט זיי באשולדיגט און געזאגט, דאס ער און אלע סאציאליסטען זענען שטאלץ פון דער באשולדיגונג.

CLASSIFIED

פיר פאמעליע בריק. פלעט
סאוטה פון אַ-רען פארק. 5 רומס און סליפינג פארטש, 3 גאראזשעס בלויז $11,000 $26,000 איינצאלען.

Maloney-Campbell Realty Co.
504 Free Press Bldg.

געפונען, א פאק מיט קענדי און טשואינג גאם, געבען בראש און רואינא פרענען: מר. לואיס כהן 221 ברוידי סט. ביזנעס אדרעס: 356 גרענד ריווער.

צו פארקויפען, 44 ענטווין סט., א סאליד בריק קארנער סטאר און פלעט ביליג, פרעגען אין 311 פארנסווארטה

צו פארדינגען א רום אדער צוויי פאר אן אינטעליגענט קאפעל מיט א קינד אין 286 סאלווערט סטריט קאר. האמילטאן בולווארד פרעגען ביי מר. שקלאר.

א גוטע טיילאר סטאר צו פאר קויפען. אין 430 הייסטינגס סט. גאראנטירט צו מאכען א גוטען לעבען און סייפען געלד. פרעגען צווישען 6 און 7 אוונט אדער טעלעפאנירען טשערי 2938 דושיי.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיערענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר טענס; טייבעל קאווערס; שעטס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בויס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

האלס
צו פארענטען און אידישען ארבייטער אינסטיטוט
— 204 הענקאק איסט —
פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטעראַרישע אָוונטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות.
ביליגע פרייזען.
פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.
ר. שטאוס.



ווילט איהר סיווען 30 פראצ. ?
ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראנגס, בעדינגס פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראָז 4985

וואַרע ביליג פאר סטאר-קיפערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

קוואסעלאוז און קאטליערס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פורניטשינגס, ניי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

שיקט אריין נאר 2 דאלאר

וועט איהר באקומען א **האלב יאהר צייט** איינע פון די פערשפרייטעסטע, פייערנערע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען,

דאס „פאלקסבלאט".

א **דעמאקראטישער** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"**. ווערעט דאס אייגענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוילען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר אייך בעקומען גריסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.

דאס **„פאלקסבלאט"** וועט אייך אייך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.

דורכ'ן **„פאלקסבלאט"** קאנט איהר פערקויפען געשעפטליכע בעציהונגען מיט מזרח-אייראפא.

דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס „פאלקסבלאט"**. אדרעס:

Lodz, Petrokowska 37, Poland

באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט אין
140 מערדורי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר.
ה. סטאריקאף
ד ע נ ט י ס ט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

דר. ל. ע. בעלער
ספעציאליסט אויף אויגען, אויערען, נאז און האלז קראנקהייטען 164
גרעשיאט עוו. האפען טעאטער בלדג.
טעל. מעין 2702

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נעמאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דוראנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG. CO
געמאכט אין דעטראיט.

אוקלאנדער אידען
פיקסען אייערע
ציהן
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געקומען פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס. פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח
סילקס, וואלענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבל קלאטהס, קורטענס, פענסי דריי-גודס.
מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע

Philadelphia Dress and Dry Goods Co
671 Hastings Street
Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע קלעסער, שליסלען קארפעט-טער ווענען, טולס און אנדערע
ארבייט
גיט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלם סט.

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס ערדושיסטערס, נייע און געניוצטע. ריזאנאבלע פרייזען. ליבעראלע בעהאנדלונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

ל. ד. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין** און אנדערע שמחות מיט די בעסטע אויפרידענהייט.
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע ווידזשעס. קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן
בעסטע אונגארישע מאכלים;
דזשיי סיגעל און בארשי
אייגענטהימער
337 הייסטינגס, סט.

TELEPHONE CANAL 193
Vienna Sausage Mfg. Co.
Manufacturers of the celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Corned & Pickled Beef Tongues etc.
U. S. Inspection Establishment
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן פון מרדכי ספעקטאר

(פארזעצונג)

— פיהר מיך צו ערגיץ, איך וויל זיך פריהער אנשפארען, זיך אביסעל אברוהען, איך בין מיעד.

מיט שטילע טריט האט זי לאה-צוזעער פיהרט צו דער פריזיבע פון דער לאנגער שטוב אין דעם ווינקעל וואו ר' זלמינע האט אמאל געוואהנט, דארטען האבען זיי זיך ביידע געזעצט, די אלטע אידענע האט אנגעהויבען רעדען:

— אויף וועמען פרעגט איהר דא, ליעבע פרעמדע אידענע?

— דא האט אמאל געוואהנט ר' זלמינע ער איז שוין געשטארבען, דאס ווייס איך, נאר ביי אים איז געוועזען איין אייניקעל א מיידעל, אויף איהר פרעג איך.

ר' זלמינע, ער זאל האבען דעם גן עדן, איז שוין געשטארבען. ער האט זי געענטוועדט מיט א זיפץ, ניט דא שוין מעהר אזעלכע אידען, אודאי ווען ער זאל לעבען וואלט איך זיך אויף דער עלטער זיך ניט ארומגעשלעפט אזוי קראנקערהייט אויף דער גאס, ווען איך פרעג זיין קראנק פלעגט ער מיר העלפען. האבען פון מיינטוועגען א נדבה, איך בין שטענדיג א קראנקע. איך קען זיך ניט ארומדרעהען א גאנצע טאג איבער דער שטאדט, מיינע קראנקע פיס שלעפ איך קוים, וואס וואלט איך דען געוואלט פון דעם וואס לעבט איבער, ווען איך זאל זיין געזונד און קענען געהען, עס וואלט דאך מיר געוועזען גוט גלייך מיט אלע, איך וואלט אויך געקענט ארומגעהן איבער די הייזער און געמאכט נדבות, נאר זינט ר' זלמינע איז געשטארבען איז מיר אודאי שלעכט און דא באדד איז מיר נאך געשטארבען מיין איינציגע טאכטער, בין איך אודאי געווארען אומגליקליך, מין בלינדער איידעם וואס זי האט איבערגעלאזט, געהט זיך אליין ארום איבער די הייזער, ער מאכט מעהר פון איר און וויל פון מיר אפילו ניט וויסען, מיר נאר ניט העלפען, היינט נעה הארעווע אויף קינדער און האב זיין! צוויי אייניקלעך וואס זענען געבליבען פון מיין טאכטער וואלטען מיך אפשר געהארעוועט, זענען זיי אויך ניט דא, זיי זענען אוועק אין דער וועלט אריין מיט א דורכרייזער א פרעמדען שלעפער, מער קין מאל איז מיר אזוי שלעכט ניט געוועזען זינט ר' זלמינעס אייניקעל מיט רייזעלען זענען אוועקגעפאהרען...

לאה האט א ציטער געטהון, עס האט איהר אנגעהויבען טרעסלען ווען זי האט דערהערט דעם נאמען פון איהר טאכטער נאר זי האט די אלטע ניט געוואלט איבערשראקען, זי האט קוים זי האט קוים געערדט, האט זי מורא געהאט זי זאל איינפהערען צו רעדען. לאה האט ווייטער געפרעגט:

— ווען זיי פלעגען קומען פון דער שטאדט, פלעגען זיי אויך קומען צו דער באבען, איהר געבען א שטיקעל בולקע, א שטיקעל צוקער און א מאל א גראשען, ברענגען אלע חודש פאר דער באבען איין פאהריבטע העמיד, נאר זינד זיי זענען אוועקגעפאהרען בין איך געבליבען ווי אויף דעם וואסער.

— שוין לאנג אז זיי זענען אוועקגעפאהרען?

— איך געדענק ניט אקוראט, דאכט זיך שוין עטליכע חדשים! ביי מיר איז שוין ווי עטליכע יאהר, זי האבען פארגעסען אן דער באבען, זיי שיקען מיר גאר ניט און שרייבען גאר ניט, נאר לאז זיי גאט מוחל זיין.

— זיי זענען אייערע אייניקלעך וואס זי רופען אייך באבע?

— ניין איך האב רייזעלען כמעט אויפגעצויגען אויף מיינע הענד און זי האט מיך אנגערופען באבע, האט מיך שיין שיינדעלע אויך גערופען באבע, זיי האבען זיך ביידע זעהר ליעב, ווי אייגענע שוועסטער.

— זיי זענען דען ניט קיין שוועסטער?

האט לאה געפרעגט זי האט פערשטאנען אז פון דער פראגע וועט אנהר די אלטע אידענע שוין מוזען אלעס דערצעהלען, זי האט קיין טעות ניט געהאט.

— ניין, די משה איז אזוי געוועזען, שיינדעלע איז טאקע פון תמיד און ר' זלמינעס אייניקעל איך געדענק נאך איר מאמע ע"ה זי זאל האבען דעם ליכטיגען גן עדן, און רייזעלע איז א פרעמד קינד, פון איין ארים קראנק ווייבעל, נאר אזוי ווי ר' זלמינע ע"ה פלעגט זיך שטענדיג אבגעבען מיט ארימע לייט, האט ער דאס קינד גענומען צו זיך, און ווייל די קראנקע מוטער האט עס ניט געקענט זויגען, האט ער מיין טאכטער ע"ה וואס האט דענסטמאל געזויגען א קינד געדונגען זי זאל צוזויגען דאס קינד, רייזעלע איז ביי מיין טאכטער געוועזען 2 יאהר אין שטוב. א גאנצע טאג פלעגט זי זיין אויף מיינע הענד, נאר ווען מיין טאכטער איז געשטארבען האט זי שיינדעלע גענומען צו זיך, אזוי האט זי רייזעלען ליעב געהאט, און דארין איז שוין גאנץ לאנג אודאי צעהן יאהר, וואס נאך דעם איז געוועזען געדענק איך שוין ניט, איך בין שטענדיג קראנק און בין געזעסען אין שטוב, זיי פלעגען קומען צו מיר אלע אוונט און מיך אנהארעווען און זענען זיך אוועקגעגאנגען, נאר דא מיט עטליכע חדשים צוריק, איידער זיי זענען אוועקגעפאהרען זענען זי ביידע געקומען צו מיר, אזוי פרעהליך אזוי שען אנגעטהון מיט נייען ציצענע קליידלעך און זאגען מיר: באבוניא מיר פאהרען אויעק פון דער „ראבע מורליטשקע" האט געפונען פאר אונז אלע דריי (עס איז געקומען מיט זיי נאך עפיס א פרעמד מיידעל א שטעלע, מיר האבען שוין געזעהען איר ער בעל ביתטע און מיר זענען איהר גוט ביי איהר, מיר זאלען איהר נאר פאלגען און ארבייטען אין שטוב. באבוניא מיר וועלען שוין גיין ארומגעהען אין די הייזער בעטען, מיר וועלען הארעווען. מיר וועלען געהען שען אנגעטון מיר וועלען פארדינען אלע חודש צו 8 רובעל און מיר וועלען דיר אויך שיקען באבוניא, דו וועסט זיך שוין דינגען א וואַרים שטיבעל און אלע טאג זיך קאכען א יויכעל, דאס מיידעל זאגט אויך אז עס איז גוט צו דיענען ביי יענעם איידער ארומגעהען איבער די הייזער „בעטען איז פאסקודנע", זאגט זי, איך האב זיך געפרייט און געוויינט, זיי האבען מיר אודאי באנק געטהון, ווי אזוי וועל איך זיין אליין אהן זיי, נאר אז גאט האט זיי געהאלפען אז חייקע האט געפונען

(פארזעצונג פאלגט)

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפּ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, ערהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהמט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט
Frosh O. D.

אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשולערי סטאר.

נויארק סטאר קלאדינג קא.
596 הייסמינגס סטריט

זענט איהר איינגעלאדען צו באטראכטען אונזער
ספעשיל לכבוד פסח
ספרינג סוטס,
טאפ קאוטס
און
העטס, דזשענטס פורנישינג, יאנג מענס און בויס קלאדינג
פרייזען ד בילינסטע אין שטאדט
P. Bunjn, Prop.

אלומינום און גראניט-וועהר
לכבוד פסח
אויך א פולען ליין קראקערי קריגט איהר ביי

יום טוב אין יוראפ

אז מ'פלעגט אריינקומען יום טוב אין א הויז, פלעגט עס שיינען אין יעדען ווינקעלע

דערמאהנט זיך נאר ווי יום-טוב-דיג אלעס איז געווען ביי אייער זיידען אין הויז. איהר האט יעצט בעסערע צייטען און בעסערע געלעגענהייטען איינצוקויפען אויף יום טוב זילבערנע לייכטער, זילבערנע עסצייג, א פיינעם דיאמאנד און אנדערע ווערטפולע דזשולערי. מיר געטרויען אייך, און מיר גלויבען אייך ווייל אנדערע גלויבען אונז אייך. זייט ניט מקנא אין ער שכן, זעהט זיך מיט מיר וועט ער אייך מקנא זיין ווייסט בלויז די 3 זאכען:



1. ביליגער ווי ווי דאון טאון
2. בעסערע סחורה
עהרליך בעהאנדעלט

גרעסטער האלסייל און ריטייל דזשולערי סטאר אין איסט סייד.

מאַע עהרליך
קארנער אדאמס און הייסטינגס סטריט

אינטעליגענטע

ראמאן פון י. ל. מאלאמוט

בעלל האט ניט לאנג געקלערט האט ביי הוהויז'ן בעקומען בלאך'ס אדרעס און אין עטליכע מינוטען ארום איז איהם נאכגעגאנגען.

ווען ער האט ביים אריינגאנג באמערקט אין בריעף קאסטען אויף דעם נאמען מישא בעלל, האט ער מעהר ניט געוואלט טראכטען, ער איז מיט אימפעט צו צו דער טיר. עס איז נאך געווען ליכטיג. א פרויען שטימע האט געענטפערט אויף זיין קלאפ אין טיר.

— זיינט איהר פרוי בעלל? — האט ער א פרעג געטאן — מלכה'לע האט געקוקט אויף איהם פארדעכטיגט און האט באמערקט ווי שרעקליך נערוועז און צעטראגען ער איז.

— יא, — האט זי ארויסגעשטאמעלט.

— שלאפט שוין אייער מאן?

מישא פון צווייטען צימער האט דערהערט זיין שטימע און עס איז איהם געווארען אזוי אונהיימליך, ווי א געהיימע שקראפט וואלט איהם א ציה געטאן, איז ער א האלב נאקעטער ארויס פון בעט און האט זיך אריינגעריסען אין זאל.

— דו?! — און ער איז געפאלען אין חלשות. אויף מלכה'לעס געוואלדען איז אריין אניוטא. דאס קינד איהרס וועלכעס איז ניט געשלאפען איז אויך אנגעקומען, ווען אניוטא האט איהם דערזעהן האט זי זיך גלייך ווי איינע וואס וויל זיך באשיצען פון אן אומגליק, געוואלט צוהיקציהען.

— אנטלויף ניט, איך בעט דיך! — האט ער מיט די לעצטע קרעפטען אויסגערעדט און ער איז אויך אומגעפאלען.

ווען מישא איז געקומען צו זיך, האט ער דערזעהן א שוידערליכע בילד. מלכה'לע וועלכע האט שוין אלעס געוואוסט. איז געשטאנען איבער איהם און איהם געקרעפטיגט. ער זאל קומען צו זיך, אניוטא איז אומגעגאנגען מיט דעם קינד איבער דעם צימער און האט פון פערצווייפלונג זיך געריסען ביי די האר דאס קינד האט מורא געקראגען פאר דער גאנצער טומעלדיגער סצענע און האט אנגעהויבען מאכען גוואלדען.

— קום צו פאפא!

בעלל איז געלעגען אויף דער ערד, האט געהאט שרעקליכע קאנוואולסיעז.

— א דאקטאר! — האט מישא געשטאמעלט — א דאקטאר מוז מען דאך ברענגען.

בלאך איז אריינגעלאפען.

— ער האט מיר ניט געפאלגט, ער איז גלייך נאך מיר אפנים נאכגעגאנגען — האט ער ציטומעלט אויסגעשריען — בעלל האט אנגעהויבען ווערען רוהיגער.

— קיינער זאל ניט וואגען איהם קרענקען! ער וועט לאנג ניט לעבען. ער וויל ניט לעבען! — האט בלאך שטיל א זאג געגעבען.

— ווארום איז ער געקומען? — האט מישא זיך איינגערעגט און אויסגעשריען.

אניוטא האט איהם בארוהיגט.

— דער געוויסען, איך פארשטעה אז דאס געוויסען האט געמוזט שרעקליך מאטערען — זי האט זיך אוועק געשטעלט הינטער בלאך'ן און האט פערצווייפעלט געקוקט אויף מישאן, זעהענדיג ווי אומגליקליך מישא פיהלט זיך אויפ'ן מאמענט האט זי זיך פארגעסען אז אויך זי האט און איהר לעבען דורך איהם געליטען אזוי פיעל.

מישא האט דערפיהלט אניוטאס בליק.

— אניוטא, — האט ער א זאג געגעבען — איך וואלט וועלען פיהלען צו איהם האס יעצט. נור איך קען ניט. זעה ווי באשטראפט ער איז. זעה ווי ער ראנגעלט זיך מיט זיך אליין, ווייסטו וואס דאס מיינט פאר איהם, צו פיהלען אונזערע בליקען אויף זיך און וועלען הערען, ענטפערען, ערקלעהרען און זיך רעכטפערטיגען אז ער איז אזוי באשטראפט פון דער נאטור?

— מישא רעד ניט! ער שטעהט אויף!

ווען דער דאקטאר האט געעפענט די טיר, האט מישא, בלאך, אניוטא פארלאזען דאס צימער. בלויז מלכה'לע איז געבליבען.

— איהר קענט, זיין לוסטיג, דא איז גאר קיין אומגליק ניט געשעהען! — האט זיי בלאך בארוהיגט, איידער ער איז ארויס פון זאל.

מישא איז געווען נאך מעהר צעטראגען ווי בלאך, מחמת ער האט דערפיהלט אז אניוטא איז צוטומעלט געווארען בעת מען האט אנגערופען זיין נאמען.

— פאפא, קענט איהר מיר ערקלעהרען וואס דא איז געשעהן? — האט ער זיך געווענדעט צו בלאך'ן און האט זיך געכאפט פאר'ן קאפ.

— איך מיין אז איך וואלט שוין געקענט, מחמת איך הייב אן באגרייפען וואס עס האט געקענט פאסירען — האט בלאך איהם שטיל א זאג געגעבען — דאך וויל איך ניט זיין קיין נביא און מיר וועלען בעסער בעטען אניוטאן זי זאל אונז אויפקלעהרען.

— אבער וואס קען דאס האבען צו טאן מיט מיר? — האט מישא געטענה'ט — איך האב אניוטאן און מיין לעבען מיט א ווארט ניט באליידיגט — אין געגענטייל. זי איז א פאלשטענדיגע ערענהאפטע דאמע. איך רעספעקטיר איהר און רעכען איהר פאר מיינע אן עלטערע שוועסטער!

— די ביסט געווים ריין און אומשולדיג! — האט בלאך געענטפערט און דאך —

— דאן הייב איך ניט אן פארשטעהן! — האט מישא זיך שוין צוטומעלט — וואס איז דא פארגעקומען.

— געה צוריק! — האט בלאך איהם א זאג געגעבען — מלכה'לע וועט זיך דארט בעאונרוהיגען וועגען דיר. איך וועל באלד צוריק קומען מיט אניוטא'ן.

מישא האט איהם געפאלגט און איז אוועק צוריק צו די געסט. ווען בלאך איז אריינגעקומען אין אניוטא'ס צימער האט ער באמערקט ווי זי האט אומגעשפאנט זעהר צעטראגען.

— וואס האט פאסירט?

זי האט זיך איהם א ווארף געטאן אויפ'ן האלז. האט זיך ביטער צעוויינט.

— עפיס א מיספארשטענדעניש! — האט אניוטא געמורמעלט — איז טאקע מישאס נאמען בעלל?

זי האט צעשראקען געקוקט בלאך'ן אין געזיכט אריין. זי איז געווען בלאס ווי די וואנד און האט זיך פאר קיין פאל ניט געקענט בארוהיגען.

— און דיין קינד איז אויך מיין קינד — האט בלאך געזאגט — איך וועל איהר געבען מיין נאמען. ביז זי וועט דארפען הייראטען און מענסט זיין רוהיג, אז זי וועט האבען מיין ליעבע און צערטליכקייט.

— דאן וועל איך דיך עביג ליעב האבען! — האט אניוטא געענטפערט און האט איהם געקושט. בלאך האט זיך געפיהלט ווי ניי געבארען. ער האט גענומען אניוטאן פאר דער האנד און האט זי אריינגעפיהרט. אין זאאל וואו מישא און מלכה'לע זיינען געזעסען און האבען זיי ערווארטעט.

דאס אלעס איז אדורכגעפלויגען, אין מישאס געדאנק ביים ארויסגעהן פון צימער, וואו ער האט איבערגעלאזען מלכה'לען מיט בעלל'ן.

— איהר מוזט זיין רוהיג" זיך ניט אויפרעגען — האט דער דאקטאר איהם שטרענג פארבאטען און מיט מלכה'לעס הילף האט ער איהם ארויפגעלעגט אויף א זאפא.

רעדען האט בעלל ניט געקענט.

אין צווייטען חדר איז אניוטא געזעסען אנגעשפארט דעם קאפ אין בלאך'ס אקסעל פון איין זייט און מישא האט געהאלטען איהר האנד און האט זי בערוהיגט.

— זעה אניוטא, עס איז מעהר מיין אומגליק אי· דיינער. דו ביזט צו איהם ווידער א פרעמדע. אבער איך? ווי זאל איך האנדלען? איין געדאנק דיקטירט מיר, איהם האסען אדער איננאנצען ערמארדען, און אנדער געדאנק שרייט צו מיר: איהם לאזען צו רוהע, ווי ער וואלט שוין געווען טויט. פון דער אנדערער זייט קומט דאס געפיהל און זאגט — ער איז דיין פאטער, האט דיר געגעבען לעבען און דו האסט קיין רעכט ניט דיין באשעפער צו בעזיגען, אפילו ווען ער האט געזינדיגט.

— און אזוי זאלסטו האנדלען! — האט בלאך ענטשלאסען געענטפערט — מיר זיינען אלע זינדיג מיר קענען ניט אימער האבען די ברירה איבער זיך, ווער ווייס וויפיעל ליידען דער מענש איז שוין אויסגעשטאנען פון זיין געוויסען ביז ער איז דורך א צופאל אדער מיט זיין אייגענעם ווילען געקומען צו אונז אין הויז?

דער דאקטאר איז אריינגעקומען.

— עס זענען געצעהלטע שטונדען, העכסטענס טעג.

אלע זענען געבליבען מיט אראפגעזונקענע קעפ ביז דער דאקטאר איז ארויס.

מלכה'לע איז אויך אריינגעקומען.

— מישא פארגיב איהם! ער קען מעהר די שמערצען ניט פארטראגען.

ווען אלע זענען צוריק אריין אין זאל האט ער זיך אויפגעזעצט.

— איך האב דאס אלעס פארדיענט.

מלכה'לע מיט טרעהרען אין די אויגען ...נען ניט האט איהם אפגעהאקט.

לכבוד פסח

אלע אקלאנדער אידען, מענער פרויען און קינ־

דער קויפען זייערע

שיך

נאר אין

קאפלאנס קוואליטי שוה' סטאר

301 וועסטמינסטער עוועניו

2 יאהר אין דעם זעלבען פלאץ. דער סטאר וואס האט א רעפוטיישאן פאר קוואליטיס און גרויסע וועליוס און קליינע פרייזען.

מיר האבען דעם גרעסטען סטאק. די שעהנסטע פעשאנס און סיזען אייך פון $25 ביז $40 פראצענט אויף ספרינג וועליוס. קומט איידער עס ווערט א ראש.

מיר גאראנטירען יעדע פאר שיך. געלט צוריק ווען ניט צופרידען.

פוטער און שמאלץ זיינען גוט צום פרעגלען, באקען אדער קאכען, אבער מ א ז א ל א איז נאך בעסער —

ערשטענס — ווייל עס איז געזונדער

צווייטענס — ווייל עס איז עקאנאמישער

דריטענס — ווייל עס איז אי כשר אי פארעווע און קען געברויכט ווערען צו אלע געריכטען.

פרעגט אייער שכנ'טע וועלכע יוזט מאזאלא

Corn Products Refining Co

New York

MAZOLA

מאכט ניט קיין „הינדענבורג ליין" ארום דעטראיט

דער $15.000.000 סקים וועט אפהאלטען די ענטוויקלונג פון די טיילען ארום'ן שטאדט

ווייל: עס וועט מאכען א באזונדערע רעילוועי סיסטעם אהן טרענספער פון דעם שטאטישען צענטער. און וועט פיהרען צו דאובעל פער.

ווייל עס וועט ארויפלעגען א יאך אויף דער שטאט וואס וועט פאדערען אז מען זאל אפלעגען די ארבעט ביי די סקוהלס סויערס, לייטינג, פייווינג און וואסער-לייטונג.

ווייל: אפילו לויט איהר אייגענעם פארשפרעכען וועט מען מוזען אפלעגען די אנטוויקלונג פון דער סטריט רעילוועי אויף צוויי יאהר צייט און דערנאך אין די נעקסטע צוויי יאהר צייט וועט מען זיך נעמען פאר די ליינס ארויס'ן שטאדט.

ווייל: די $15.000.000 רעילוועי באנדס און די $22.500.000 אינטערעסט וואס וועט מוזען געהלט ווערען אין די נעקסטע צרייסיג יאהר מיינט א מארטגעידזש פון צוויי הונדער דאלאר אויף יעדענס היים אין דעטראיט און דאס וועט שטערען דער היים.

שטימט „ניין" וועגען דעם $15.000.000 פיעסמיעל רעילוועי פלאן

Citizens' Committee on Street Railway Service

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

אידישער האספיטאל ווערט א אישו

די אויסגאבע פון דעטראיטער „פאראווערטס" און איהרע פארוואל־טער און שרייבער האבען פארדיענט אונזער דאנק: זיי האבען דערפיהלט די איפלעבונג פון דער הויפר הא. פיטאל אסאסיאישאן און האבען נישט געקענט פארוועהן דעם פאקט, אז די איפלעבונג איז געקומען — ווי זיי דריקען זיך אויס — צו ראפטאט. דאס איז שוין א דאנק דעם וואס דער „וועג" האט די פראגע שוין נישט געמאכט פאר א היפש אויסגאבע, אדער ווי מען רופט עס „אן אישו"; דער „וועג" האט פאר דער לעצטער צייט א סך לעבען און ראשיג לעבען געבראכט אין דער איפלעבונג.

איפ דער צייט איז עס נאך ביי די געעהרטע פארוואלטער און שרייבער פון דעם היגען „פאראווערטס" א פראגע: צי דארף מען יא אדער נישט א כשר האספיטאל אין דעטראיט; אויב ביי זיי איז איצט נאך א פראגע אויב עס איז ווערטה די מיה, די אנשטרענגונג אויף צו בויען דא אזא אינסטיטוציע, זיינען מיר אבער זיכער. אז דער איספיהר־זייערער וועט זיין, אז אזא אינסטיטוציע איז א נויטווענדיגקייט — אז אזא אידישע קהלה ווי דעטראיט איז, דארף זיך גארנישט אנשטרענגען אזוי מסובך'דיג איף איינצופיהרען דעם האספיטאל און וועלכען מען נייטיגט זיך.

און נויטיגען נייטיגט זיך דעטראיט אין א אידישען האספיטאל נים דוקא, ווי דער געעהרטער שרייבער אין „פאראווערטס" מיינט, אום צו געבען דעם ארטאדאקסישען אידען א כשר'ע וועטשערע. ווי וויכטיג דאס זאל נישט זיין פאר א פרומען ריב אידען פון אונזער שטאדט. ווי וויכטיג דאס זאל נישט זיין פאר'ן טראדיציאנעלען אידענטום פון דעטראיט אומגעגענד, איז עס דערווייל בלויז איין איינציגע ארויזאבע. וואס פאדערען די אנשטרענגונג און די מיה פון די היגע אידען. עס זיינען אבער חוץ דעם פאראן אנדערע און זעהר פיעלע ארויזאבען וועלכע זיינען נוגע נישט דוקא דעם טראדיציאנעלען, ארטאדאקסישען אידענטום. נאר אויך די פרייטע, בריימע מאסען, אריינרעכענדיג אפילו די אידישע אינטעליגענץ און די אידישע ארפייטער פון דעם אידישען דעטראיט.

זאלען מיר זיך דא אויפקוועלען און אויסרעכענען קרעמעריש די אלע אויזאבען, וואלט אונז קיין פלאץ נישט געקלעקט.

עס איז אבער גענוג צו זאגען איין ווארט וואס זאל כולל זיין די אלע ארויזאבען, צוליעב וועלכע עס איז נייטיג א אידישער שפיטאל אין דעטראיט. מיר מיינען, נעמליך: — די אטמאספערע.

מען דארף א אידישען האספיטאל — און נישט ווי דער געעהרטער שרייבער פונם „פאראווערטס" דערמאהנט א סך מאל „בשר האספיטאל". די העררען איניציאטארען פון דעם האספיטאל האבען איינגעזייבענט גוט פארשטאנען אז נישט בלויז דאס כשרות אליין איז די איינציגע און וויכטיגסטע ארויזאבע פון צו שאפען אזא פאריעגונג. א א י ד י ש ע ר האספיטאל, וועט ער וועט געפייטס ווערען פון די איצטיגע מתעסקים קען נישט זיין ווי נאר א י ד י ש אין א ל ע איפנים.

און דאס איז שוין נישט נוגע דוקא די ארטאדאקסען אליין. דאס דארף שוין אינטערעסאנט זיין פאר דעם אידישען פריידענקער אזוי גוט ווי פאר דעם שיהל איד: פאר דעם ארפייטער, ווי פאר דעם בעל הבית.

ווארים ווי פריידענקענד א איד זאל נישט זיין, פיהלט ער זיך א סך היימישער אין דער אידישער ספערע ווי אין דער נישט אידישער; ער פיהלט זיך היימליך אין דער אידישער אימגעבונג און פיהלט מאדנע פרעמד, אין אפשר אויך ענג אין אוארגענד אין דער קריסטליכער, אדער אין דער יאהר־דימשער.

און פון אט דעם איינעם שטאנדפונקט אליין איז וויכטיג אז דאס גאנצע אידישע דעטראיט זאל זיך פ ראינטערעסירען אין דעם אידישען האספיטאל.

און ווען אפילו דער שרייבער פון דערמאהנטען ארטיקעל, וועלכער באציהט זיך אליין מיט ספק און חשד צו די איצטיגע מתעסקים, וואס גרינדע צו גלויבען, אז אזא שטיפונג יערשט אייך ביי אנדערע, איז דאך בוודאי נישט מעהר ווי רעכט צו אגיטירען טאג איין טאג אויס פאר דעם האספיטאל; אגיטירען, אז וואס מעהר מענשען זאלען זיך אנשליסען אן דער פאריעגונג, און זאלען זיי אין א.ז א מאסע קומען, אז זיי זאל געלינגען צו קאנטראלירען די גאנצע טעטיגקייט.

זייענדיג געצעהלטע צוויי מאל ביי די מיטינגען פון דער האספיטאל אסאסיאישאן איז דער שרייבער פון דיעזען ארטיקעל איבערצייגט, אז די העררען פון דער אסאסיאישאן וואלטען מיט דעם גרעסטען כבוד אפגעגעבען די העכסטע אמטען פאר מענשען וואס זאלען וועלען טעטיג זיין, אין דיעזער ארגאניזאציע.

עס איז אונז איינגעקומען בייצוואהנען א מיטינג, וואו עס האבען זיך געפיטען די סעקרעטארען. דער פריהערדיגער סעקרעטאר פון דער אסאסיאישאן ה' קאין, איז געזעסען און איינגעהערט רוהיג ווי מען האט איהם — אזוי צו זאגען — „געוויפט", קריטיקירט: דאן האט מען נאמינירט און ערוועהלט איינשטימיג א צווייטען. און ווען מר. קאין האט זיך איפגעשטעלט א פאר ווערטער צו זאגען, האט מען געמעגט ערווארטען אז ער וועט אומפריינדליך און אפשר פרוגז זיין און זיין ריידען. אבער ער האט ענטוישט. מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט און פולער איבערצייגונג און רעספעקט צו זיין נאכפאלגער געוועדט ווענען דער ארבייט פון סעקרעטאר און זאגאר געלייבט דעם ה' ליפמאן פאר זיין איינציליגען איבערצייגעהטען אט די שווערע פאראנטווארטליכע ארבייט.

און זיכער איז דער ה' קאין נישט דער איינציגער פון די בעאמטע. וואס וואלט מיט אזא פריינדליכקייט אפגעטראטען זיין אמט פאר א מעהר טעטיגען און מעהר פעהיגען.

זאלען זיי נאר קומען, די פעהיגע און די טעטיגע.

און צו אנדערש די געעהרטע פארוואלטונג פון „פאראווערטס" האט אהן ספק אונזער דאנק פארדיענט.

„בלייםט די סיטי"

מיט דעם נאמען „בלייםט די סיטי" איז געווען ביי אונז היינטיגען זונטאג אן אנאנסע געשריבען אין דער פארמע פון אן ארטיקעל.

עס קען זיין, אז דאס איז דאס איינציגע און לעצטע פון דעם מין און עס קען ווייטער זיין, אז עס זאלען אריינקומען נאך אזעלכע מינים אנאנסען.

דער רעדאקטאר פון דיעזער צייטונג, זייענדיג א קורצע צייט אין שטאדט האט פארלאסען קיין „איש" נישט צו מאכען פון דער קאר פראגע, ווייל ער איז נישט באקאנט מיט אלע ענינים וואס זיינען נוגע דיעזער פראגע. ווי פרענענדיג די פראגע זאל דערום נישט זיין, וועלען מיר בלייבען אומפארטייאיש, די געוויסע פון אנפאנג אן.

פאר אלע ארטיקלען, אדער אנאנסען וואס וועלען געדרוקט ווערן, און וואס זיינען געדרוקט געווען אין „וועג" צו פאר אדער געגען, זיינען מיר דערום נישט פאראנטווארטליך אפילו ווען איך זיי וועט שטעהן גע"חתמ"עט עפעס א נאמען.

„ציוניזם געגען באלשעוויזם"

(פונ'ם ענגלישען קריעגס־מיניסטער ווינסטאן ס. טשארטשיל.)

עס איז נישט לייכט צו זאגען באשטימט וואס מר. ווינסטאן טשווירטשיל איז אויסען געווען מיט זיין ארטיקעל. איין זאך איז זיכער, אז אויך דער ענגלישער מיניסטער (ווינסטאן טשווירטשיל) וואס רעדט אזוי שמיי־ בעלהאפט פאר'ן ציוניזם מיינט אויך אז אונזער חטא איז וואס אידישע יונגע מענשען האבען זיך אין סאוועט רוסלאנד ארויסגעוויזען פאר פעהיגע פיהרער. און ווי איז עס געווען אין די צייטען פון צאר? דעמאלט זיינען דאך די טראצקיס און די קעלערען געלעגען. ווארום האט מען דעמאלט פאגראמירט און געמארדעט אידען? דעמאלט האט מען פאר א תירוץ גענומען די אידישע קאפיטאליסטען און קליינהענדלער וואס עקספלואטירען דעם מוזשיק, תירוצים, וועלען די פאגראמטשיקעס תמיד געפינען. שפעטער נאך: אייראפא וועט אלע מאל האבען א גוט ווארט פאר די פאגראמטשיקעס, אט האט דאך טאקע ווינסטאן טשווירטשיל אזעלכע שעהנע ווערטער פאר דעניקינ'ען, וואס עס איז דאך שוין א דבר ידוע אז דעניקין איז דער גרעסטער חוליגאן, אבער וואס טוט נישט א מיניסטער אום צו פארשווארצען א רוסיש'ן אם צוליעב דעם אלעמען איז ווערט אז עס זאל איבערזעצט ווערען אין אידיש די רעדע און בלייבען היסטאריש.

ר ע ד א ק צ י ע.

דער ענגלישער קריגס מיניסטער מר. ווינסטאן טשארטשיל האט אבגעדרוקט אין'ם „סאנדי העראלד" אן ארטיקעל „ציוניזם געגען באלשעוויזם" וועלכעס האט ארויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס און סענזאציע אין אלע געזעל־שאפטליכע קרייזען.

מר. טשווירטשיל האט אין דעם אידישער געזאגט פאלגענדעס:

„איינגע מענשען ליעבען אידען, אנדערע ליבען זיי נים, אבער עס קען קיין שום ספק נים זיין ביי דענקענדע מענשען, אז די אידען זיינען די אויסערגעוועהנליכסטע און וואונדערבארסטע ראסע, וואס איז ווען ערשיענען אויף דער וועלט.

דיזראעלי, דער אידישער פרעמיער פון ענגלאנד, דער פיהרער פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי, וועלכער איז אימער געווען געטריי צו זיין ראסע און שטאלץ מיט זיין אפשטאמונג, האט א מאל געזאגט: „גאט האנדעלט אזוי מיט די נאציאנען ווי די נאציאנען האנדלען מיט די אידען".

ווען מיר קוקען זיך באמת צו צו דער טרויעריגער לאגע פון רוסלאנד, און וועלכען לאנד די אידען זיינען באהאנדעלט געווארען גרוזאמער, ווי אין אלע אנדערע לענדער, און מען גלייכט עס צו צום מזל פון אונזער לאנד, וואס איז אזוי באשיצט געווארען פון שיקזאל פון די איצטיגע געפאהרען, מוזען מיר צוגעבען, אז אין דער וועלט־געשיכטע האט פון דער צייט וואס דיזראעלי האט ארויסגעזאגט זיינע ווערטער בנוגע די אידען, גארנים פאסירט וואס זאל אפשוואכען דעם אמת וואס זיי ענטהאלטען.

דער קאמף צווישען גוטס און שלעכטס וואס קומט פאר אהן אויפהער אין דעם מענשליכען הארצען, דערגרייכט ביי קיינעם נים אזא שטארקייט, ווי ביי דער אידישער ראסע.

די צוויי־זייטיגע נאטור פון דער מענשהייט ווערט אין ערגעץ נים אזוי שטארק און דרייסט געשטעלט צום פראבע. מיר זיינען שולדיג די אידען פאר דער ענט־פלעקונג פון קריסטענטום, וואס איז א סיסטעם פון עטהיק, וועלכע ווען מען זאל זי אינגאנצען אפשיידען פון אויבערנאטירליכעם, וועט זי זיין אונפאר־גלייכבאר. די טיעפסטע זאך וואס די מענשהייט באזיצט, און וועלכע איז העכער ווי די פרוכטען פון אלע אנדערע חכמות און לערעס צוזאמען. אויף דער סיסטעם און אויף דיזען גלויבען איז אויפגעבויט געווארען פון די רואינען פון דער רוימישער אימפעריע די גאנצע עקזיסטירענדע ציוויליזאציע.

און עס קען זיין, אז די זעלבע ערשטוינענדע ראסע איז איצט ביי דער ארבייט פון שאפען אנאנדער סיסטעם פון מאראל און פילאזאפיע, וואס איז אזוי בייזווילינ ווי דאס קריסטענטום איז געווען וואלטעטיג, און אויב מען וועט עס נישט אפשטעלען אין צייט, וועט די נייע סיסטעם צושמעטערן און אויס זיכט אויף צוריקצושטעלען אלץ וואס דאס קריסטענטום האט ערמעגליכט.

עס זעהט במעט אוים, אז ס'איז באשערט אז די לעהרע פון קריסט, און די לעהרע פון אנטיקריסט זאלען געבוירען ווערען און ארויסקומען פון זעלבען פאלק; און אז די מיסטישע און מיסטעריעזע ראסע איז ערוועהלט געווארען פאר דיזער העכסטער מאניפעסטאציע, פון דאס געטליכע און פון טייפלישע.

עס קען נים זיין קיין גרעסערער טעות ווי צוצושרייבען צו יעדען יחיד א געוויסע טייל פון די איינגענשאפטען וואס שטעלען צוזאמען דעם נאציאנאלען כאראקטער.

עס זיינען פאראן פיעלע סארטען מענשען, גוטע, שלעכטע און אמיים־טענס גלייכגילטיגע, אין יעדען לאנד און אין יעדער ראסע. היין זאך איז נים אזוי אונריכטיג ווי צו ענטזאגען צו א יחיד דאס רעכט געמישפט צו ווערען נים זיינע פערזענליכע פארדינסטען און אויפפיהרונגען. אין א פאלק פון אזא זעלטענע רערבארע נגיאליטעט, ווי די אידען, ווערט זיך ארוים דער קאנטראסט פיעל בולטער. די עקסטרעמען זענען פיעל מעהר פונאנדערגעשיידט, און די רעזולטאטען ענדגילטיגער.

אין דער איצטיגער פעריאדע זיינען פאראן דריי הויפט ליניעס פון פאליטיש באגריפען צווישען די אידען; צוויי פון זיי זענען העלפענדע און פון גרויס האפנונג פאר דער מענשהייט, דער דריטער איז אבסאלוט א צעשטערענדער.

ערשטענס זענען פאראן די אידען וועלכע וואוינענדיג אין אלע לענדער פון דער וועלט אידענטיפיצירען זיי זיך מיט דעם לאנד, און וועלכען זיי געפינען זיך, דרינגען אריין אין זיין נאציאנאלען לעבען, און בעת זיי האלטען זיך פעסט ביי זייער רעליגיאן, באטראכטען זיי זיך אלס בירגער אין פולען זין פון ווארט, פון דעם שטאט וואס האט זיי אויפגענומען.

אזא איד, וואס וואוינט אין ענגלאנד ווען זאגען „איך בין אן ענגלענדער פון אידישען גלויבען". דאס איז א גוטער און העכסט נוצליכער באגריף.

מיר, אין ענגלאנד, ווייסען גאנץ גוט, דאס בעת דעם ריעזיגען קאמף איז דער איינפלוס פון די אזוי גערופענע „נאציאנאלע אידען" אין פיעלע לענדער געווען פאר מעהרסטענטיילס אויפ'ן צד פון די פאר־איינינטע; און אין אונזער אייגענער ארמיי האבען אידישע סאלדאטען געשפאלטען און אויסגעצייכענט ראלע, איינינע האבען זיך דערהויבען ביז צו קאמאנדירען פון ארמעען, אנדערע האבען געוואונען דעם וויקטאריא קרייץ פאר העלדישקייט.

די נאציאנאלע רוסישע אידען, נים אבגעזעהענדיג אויף די באגרענצונגען פון וועלכע זיי האבען געליטען, האבען באוויזען צו שפיעלען אן עהרענהאפטע און נוצליכע ראלע אין נאציאנאלען לעבען פון רוסלאנד.

אלס באנקירען און אינדוסטריאליסטען האבען זיי געהאלפען צו ענטוויקלען די רוסישע עקאנאמישע רעסורסען און זיי זענען געווען די ערשטע צו שאפען די מוסטערהאפטע ארגאניזאציעס פון די רוסישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען.

אין דער פאליטיק האבען זיי מייסטענס אונטערשטיצט די ליבעראלע און פראגרעסיווע באוועגונגען און זיי זיינען געווען די געטרייסטע אנהענגער פון פריינדשאפט מיט פראנקרייך און מיט ענגלאנד.

אין שטארקער געגנערשאפט צו די אלע אידען פון אידישען אנשטרענגונגען ערהייבען זיך די פיענער פון די אינטער־נאציאנאלע אידען.

די אנהענגער פון דיזער געפעהרליכער קאנפעדעראציע זיינען מעהרסטענס מענשען וואס זיינען ערצויגען געווארען צווישען די אומגליקליכע באפעלקערונגען פון לענדער, וואו אידען ווערען פארפאלגט צוליעב זייער ראסע. פיעלע, אויב נישט אלע פון זיי האבען פארלאזען דעם גלויבען פון זייערע אורעלטערען און ארויסגעשטויסען פון זייערע געדאנקען אלע גייסטליכע האפנונגען אויף א יענער וועלט.

דיזע באוועגונג צווישען די אידען איז נישט קיין נייע. זי ציהט זיך פון די טעג פון ספארטאקוס ווייסהאופט ביז די טעג פון קארל מארקס, ביז צו טראצקי (רוסלאנד) בעלא קוהן (אונגארן) ראזא לוקסענבורג (דייטשלאנד), און עמא גאלדמאן (אמעריקא). דיזע אלוועלטליכע קאנ־ספיראציע אראפצווארפען די ציוויליזאציע און ווידער אויפבויען די געזעלשאפט אויפ'ן גרונד פון איינגעהאלטענער ענטוויקלונג, פון קנאה, בייזוויליגקייט, אונמעגליכע גלייכהייט, וואקסט זעהר שטארק. זי האט געשפיעלט, ווי די מאדערנע שרייבערין, מרס. וועבסטער האט אזוי גוט געציינט, אונזער גרויסע ראלע אין דער טראגעדיע פון דער פראנ־צויזישער רעוואלוציע.

עס איז געווען דער אורשפרונג פון אלע אנדערע באוועגונגען אין דעם 19טען יאהרהונדערט; און איצט האבען איסערגעוועהנליכע פערזענליכקייטען פון דער אונטערוועלט פון די גרויסע אייראפעאישע און אמעריקאנער שטעדט, אנגע־כאפט דאס רוסישע פאלק ביי די האר פון זייערע קעפ און זיינען געווארען פראקטיש די אונבאשטרייטבארע בעלי־בתים פון דער ריזיגער אימפעריע.

עס איז נישט נויטיג איבערצוטרייבען די ראלע וואס דיזע אינטערנאציאנאלע און גרעסטענטיילס אטעאיסטישע אידען האבען געשפיעלט אין דעם שאפען פון באלשעוויזם און אין דאס אקטועלע ארויסרופען פון דער רוסישער רעוואלו־ציע. עס איז בלי ספק זעהר א גרויסע ראלע וואס שטייגט איבער אלע אנדערע. אחוץ לענין זיינען די מעהרסטע לייטענ־דע פיהרער — אידען. נאך מעהר די הויפט אינספיראציע און טרייבענדער מאטיוו קומט פון אידישע פיהרער.

טשיטשערין, אן עכטער רוס ווערט פארטונקעלט פון זיין געהילף ליטווינאף און דער איינפלוס פון די רוסען, ווי בוכארין און לונאשארסקי, קענען זיך גארניט פארגלייכען צו דער מאכט פון טראצקי, אדער זינאוויעוו, דער דיקטא־טאר, פון דער רויטער פעסטונג (פעט־ראגראד) אדער צו קראסין אדער ראדעק — אלע אידען.

אין די אינסטיטוציעס פון סאוויעט זיינען די אידען נאך מעהר און איבער־ראשט און די הויפטפיהרונג אין זדער טעראריסטישער סיסטעם וואס איז אנגעווענדעט געווארען פון די „טשרעזווי־טשייקעס" צו באקעמפפען די קאנטער־רעוואלוציע איז אויך געווען ביי אידען און אין איינצע פעלע ביי אידישע פרוי־ען אין די הענט.

דיזעלבע שלעכטע איבערמאכט האט באוויזען די אידען אויך באקומען אין דער קורצער הערשאפט פון בעלא קון איבער אונגארן. די זעלבע ערשיינונג איז אויך געווען צו באמערקען אין דייטשלאנד (ספעציעל אין בייערן) אויף אזוי ווייט, ווי מען האט צוגעלאזען, אז די משוגעת זאל זיך פארשפרייטען צווישען די דעמאראליזירטע דייטשע פאלק.

זאל זיך פארשפרייטען צווישען דעם צייטווייליג נידערגעשלאגענעם דייטשען פאלק.

כאטש אין די אלע לענדער זיינען פאראן פילע נישט אידען אזוי שלעכט ווי ערגסטע אידישע רעוואלוציאנערען, איז אבער די ראלע וואס די אידען האבען געשפיעלט, נעהמענדיג אין אנבעטראכט די צאהל, וואס זיי שטעלען צוזאמען פון דער באפעלקערונג — אויסערגעוועהנליך גרוים.

ס'איז קיין ספק נישט, אז אין די הער־צער פון רוסישען פאלק ברענט א פייער פון נקמה. ווי גענעראל דעניקינ'ס אויטאריטעט האט נאר געקענט גרייכען, האט מען תיכף באשיצט די אידישע באפעלקערונג, און זיינע אפיצירען האבען זיך געגעבען די גרעסטע מיה און אנ־שטרענגונג נישט צו דערלאזען צו קיין נקמה און צו באשטראפען די שולדיגע. אזוי שטארק איז געווען זיין באשיצונג אז פעטלורא האט אין זיין פראקלאמא־ציעס פארגעווארפען דעניקינען אז ער איז א „פארטיידיגער פון אידען".

די פרויילינס הילי, פלעמיאניציעס פון מר. הילי, האבען אין זייער באשרייבונג וועגען דעם וואס זיי האבען איבער־געלעבט אין קיעוו, ערקלערט, אז זיי ווייסען דאס אפיצירען, וואס האבען אנטייל גענומען אין פארברעכענס נעגען אידען, זיינע צוערשט געווארען פראבעט סאל־דאטען און נאכהער האט זיי דעניקין ארויסגעווארפען פון דער ארמיי און פאר־טריבען פון שטאדט.

אבער די באנדעס וואס בושעווען איצט ארום איבער דער דאזיגער רוסישער אימ־פעריע, שטעלען זיך נישט אפ אין זייער לוסט פאר בלוט און נקמה נעגען דער אונשולדיגער אידישער באפעלקערונג, וואו זיי האבען נאר א געלעגענהייט דער צו.

דער באנדיט מאכנא, די באנדעס פון פעטלורא און גריגאריעוו, וועלכע האט סיגנאליזירט יעדען ערפאלג זייערען מיט די ברוטאלסטע שחיטות, האבען געפונען א גרויט פעלד פאר אנטיסעמיטיזם צווי־שען דער האלב דערשראקענער באפעל־קערונג.

דער פאקט, וואס אין פילע פעלע האבען די באלשעוויקעס נישט געריהרט איי־נינע, אידישע אינטערעסען און אידישע שוהלען האט ארויסגערופען נאך מעהר חשד אז די אידען האבען צו טאן מיט די גרויזאמקייטען, וואס די באלשעוויקעס האבען באוויזען.

דאס איז אן אונגערעכט צו מיליאנען היילפלאזע מענשען, די מערסטע פון וועלכע ליידען אליין שרעקליך פון דעם רעוואלוציאנערען רעזשים. עס ווערט דער־ריבער פון דער גרעסטער וויכטיגקייט צו ענטוויקלען יעדע שטארקע אידישע באוועגונג וואס פירט דירעקט אוועק פון דיזע פאטאלע פארבינדונגען. און דא קומט דער ציוניזם, וואס האט אזא טיע־פע באדייטונג פאר דער גאנצער וועלט אינ'ם איצטיגען מאמענט.

דער ציוניזם שאפט א דריטע ספערע צו די פאליטישע באגריפען פון דער אידישער ראסע, אין שטורמדיגען געגענ־זאץ צו דעם אינטערנאציאנאלען קאמו־ניזם, שאפט ער פאר דעם אידען א נא־ציאנאלע אידעע מיט קאמאנדירענדען כאראקטער.

עס איז אויסגעפאלען צו דער בריטי־שער רעגירונג, אלס רעזולטאט פון דעם וואס מיר האבען ערשאבערט פאלעסטינא, צו האבען די מעגליכקייט און די פאראנט־ווארטליכקייט צו פארזיכערן די אידישע ראסע פון דער גאנצער וועלט מיט א היים און מיט א צענטער פון נאציאנאלען לעבען. די שטאטסמאנשאפט און דער היס־טארישער באגריף פון מר. באלפור זייי־נען געווען שנעל אויפצונעמען די גע־לעגענהייט. דעקלאראציעס זיינען גע־מאכט געווארען, וועלכע האבען ענטשי־דען אויף שטענדיג די פאליטיק פון גרוים בריטאניען. די פייערדיגע ענערגיע פון דר. ווייצמאן, דער פיהרער פאר פראקטי־שע צוועקען פונ'ם ציוניסטישען פלאן, וועלכער ווערט אונטערשטיצט פון די אנגעזעהענסטע בריטישע אידען, און וואס ווערט פאלשטענדיג אונטערשטיצט פון גענעראל אלענבי איז אין גאנצען געווענדעט וועגען באקומען דעם ערפאלג פון דער אינספירירענדער באוועגונג.

עס פארשטעהט זיך אז פאלעסטינא איז פיל צו קליין, דאס זי זאל אריינגע־מען מער ווי א טייל פון דער אידישער ראסע; די מאיאריטעט פון די „נאציא־נאל" אידען וויגשען אויך נישט אהין צו פאהרען. אבער אויב עס זאל געשא־פען ווערען, אין אונזער צייט, ביי די ברעגעס פון דעם ירדן א אידישער שטאט אונטער דער שוץ פון דער בריטישער קרוין, וועלכע זאל אריינגעמען דריי אדער פיער מיליאן אידען, דאן וואלט דאס געווען א געשעהעניש אין דער גע־שיכטע פון דער וועלט, וואס וואלט פון יעדען שטאנדפונקט געווען נוצליך, און וואלט באזונדערס געווען אין הארמאניע מיט די אמת'ע אינטערעסען פונ'ם ברי־טישען רייך.

דער ציוניזם איז שוין געווארען א פאק־טאר אין די קאנוואלסיעס פון רוסלאנד אלס א מעכטיגער קאנקורירענדער איינ־פלוס אין די באלשעוויסטישע רייהען גע־נען דעם אינטערנאציאנאלען קאמונים־טישען סיסטעם. קיין זאך קען נישט זיין אזוי באדייטענד ווי דער כעס, מיט וועלכען טראצקי אטאקירט די ציוניס־טען בכלל און דר. ווייצמאן בפרט. זיין ברוטאלער דורכדרינגענדער שכל לאזט איהם קיינט אין ספק, אז זיינע פלענער פאר א וועלט ארומנעהמענדען קאמוניסטי־שען שטאט אונטער אידישער הערשאפט ווערען בטל געמאכט און געהינדערט דורך דעם נייעם אידעאל, וועלכער ווענ־דעט די ענערגיען און די האפנונגען פון די אידען אין יעדען לאנד צו אן איינ־פאכען, אמת'ען און דערגרייכבארער ציעל. דער קאמף וואס הויבט איצט אן צווישען די ציוניסטען און די אידיש באלשעוויקעס איז נישט עפעס אנדערש ווי דער קאמף פאר דער נשמה פון אידי־שען פאלק.

עס איז באזונדערס וויכטיג אנגע[...] די פאלהעלטניסע, אז די נאציאנאלע א[...] דען אין יעדען לאנד, וועלכע זיינען [...] טריי דעם לאנד, וואס האט זיי צוגע[...] נומען, זאלען ארויסטרעטען ביי יעדע[...] געלעגענהייט, ווי פילע פון זיי אין ע[...] לאנד האבען דאס שוין געטאן, און זאלען נעמען אן אנגעזעהענעם אנט[...] אין יעדען מאסרעגעל צו באקעמפען [די] באלשעוויסטישע קאנספיראציע. א[...] דעם אופן וועלען זיי קענען ריין וואש[...] דעם כבוד פון דעם אידישען נאמען, [...] קלאר מאכען פאר דער גאנצער וועלט אז די באלשעוויסטישע באוועגונג [...] נישט קיין אידישע באוועגונג, זאנד[...] אז זי ווערט ענטשלאסען צוריקגעווי[...] ביי דער גרויסער מאסע פון דער אי[...] שער ראסע.

אבער א נעגאטיווער ווידערשט[...] צום באלשעוויזם אין וועלכען עס [...] קרייז איז נישט גענוג.

פאזיטיווע און פראקטישע מיטלען [...] נען נויטיג אין דער מאראלישער אויך אין דער סאציאלער ספערע; דורך דאס אויפבויען מיט דער גרעס[...] שנעלקייט א אידישען נאציאנאלען [צענ]טער אין פאלעסטינא, וואס קען ווע[...] נישט בלויז א מקום מקלט פאר די [...] טערדריקטע פון צענטראל אייראפא, [...] דערען אויך א סימבאל פון אידישער [...] נינקייט און דער טעמפעל פון אי[...] שער גלאריע, וועט מען ערפילע[...] אויפגאבע, מיט וועלכער עס זיינען בינדען פילע ברכות.

מאכט און אהנמאכט

„די רויטע אין דייטשלאנד ה[אבען] פארכאפט 'די מאכט'". די מאכט? [...] כע מאכט? האט דען דייטשלאנד א מאכט?

ס'האט געדארפט זיין „פארכאפ[ט] אהנמאכט!"

געזיעגט און באזיעגט.

די דייטשישע מאנארכיסטען ה[אבען] געהאט געזיעגט.

אבער די מאנארכיע איז דאך לאנג באזיעגט . . .

עקס . . .

דייטשלאנד האט שוין אן עקס־ זער און אן עקס־פרעזידענט.

און צווישען ביידע עקס'ס, ווער[ט] איהר אן עקס.

טאקע א חידוש.

איף עבערט'ן איז, ווירקליך, א דער: אזא גוטער „זאטעל־מאכער" — און איז דאך ארויסגעפאלען פ[ון] טעל...

אביסעל פאן.

דער עקס דיקטאטאר פון דייטש[לאנד] האט געהייסען פאן קאפ.

און אז מען וועט איהם מאכען א קאפ קירצער, וועט מען האבען [...]

טאקע פון ווערמען?

די סיריער האבען זיך ערקלערט אפהענגיג.

אונאפהענגיג? פון וועמען? [...] פון לאגיקע. א סימן: זיי ווילען [פא]לעסטינא.

דאס איז א שכל . . .

דער העכסטער ראט פון די א[...] האט באשלאסען צו שיקען צוויי ק[...] סיעס קיין רוסלאנד.

נאך וואס עפעס צוויי? — [...] אז איינע זאל אפלייקענען דער [...] טער'ס באריכט.

מ'האט דען נישט געקענט

„מען קען שוין שיקען געלט, [...] און בריעף קיין רוסלאנד".

און ביז אהער האט מען דען נ[יש]ט געקענט? מען האט בלויז נישט גע[...]

„מתים פון אלע לענדער"

די סמיטה־טרעגערס פון נעשווי[...] נעסי, האבען זיך ארגאניזירט אין [...] יאן.

די קברנים האבען זיך דארט ש[וין] פריהער ארגאניזירט.

איצט בלייבט, אז אויך די מתי[ם] זאלען זיך ארגאניזירען און א יוניאן [...] טער דער לאזונג: „מתים פון אל[ע] לענדער פאראייניגט אייך!"

מאמעס זארג

פון אסתר בעקערמאן

האר ווי גאלד, אויגען אזוי בלוי,
שעהן און פריי, ווי זונען שיין,
אוי גלויבט עס מיר, גלויבט עס מיר!
ס'איז מיין טעכטערל — צארט און פיין.

א גלעקעל ס'קול און הארציג אזוי,
איהר געלעכטער — א גאלדנער קלאנג.
— — — — — — — — — — —
נאר באלד קומט שוין איהר פאשערטער
פיידען אונז צעשיידט ער אויף לאנג.

ווילד און פרעמד — און גענוסען וועט ער
מאמעס טרייסט, די זונען שיין,
איצט אזוי נאה'נט, באלד אזוי ווייט
וועט בלייבען שיין דאס טעכטערל מיין.

לייזיג די שטוב, לוידיג דאס הארץ: —
ווייס עס ווער מיין קינד וואס מאכט?
צי איז פרעהליך ביי איהם זי אצינד,
צי זינגט איהר הארץ, דאס אויג אויף לאכט?

גיטעל

(סקיצע)

פון מרים קארפילאוו

גיטל איז ביי אונז געווען א דיענסט־מיידעל און ווען מ'פלעגט זי דארפען האבען, האט מען זי בעדארפט זוכען און ווען מ'פלעגט זי זוכען, פלעגט מען זי ניט געפינען.

איך האב אין ג'ניכען אויסגעפונען וואו גיטל פלעגט זיך בעהאלטען און וואס זי פלעגט טאן; מיינע „טיעטראדקעס" האבען דאס מיר געהאלפען. גיטל פלעגט זיי „צוציהען" און... און גאנצען מיט איהרע „ליעדער" פארשרייבען.

איין ליעד האט זיך אזוי געלעזען:

„רק זיי רופען מיר און רופען,
פרעג וואס דארפען זיי מיך האבען?
בסדר דארף איך קאכען, ראמען,
נ'ערגעז זיך ניט טארען זאמען.
ווער און ווינד איז צו דיענסטען
מיט די פינסטערע פארדיענסטען,
זיין ביי יעדערען א שמאטע
אהן א מאמע, אהן א טאטע,
ווער, צו וואס איך בין געבארען? —
אפצופינסטערען די יאהרען.
פאר איינס מ'רופט מיך „גיטל, גיטל!"
שטעה פאר זיי אליין אהן א היטעל,
ווער, ווי איך האב פיינט צו דיענען,
ווייל, וואס האט דאס פאר א זינען?"

און נאך:

„עס וועט קומען א צייט,
ווען די זון וועט מיר שיינען,
איך וועל שוין קיין דיענסט מעהר ניט זיין.
א שטיבעלע וועל איך מיר האבען א קליינע
און מיט איהם איינע אליין דארט זיין.
ער וועט ניט רופען מיך „גיטל, הער גיטל!"
נאר גיטעלע טייערע — קרוין!
ער וועט מיך האלט האבען גלעטען
און... קושען
ט'מיך קיינמאל ניט לאזען אליין."
— ווער איז ע ר ? — האב איך גיטלען געפרעגט.

זי האט א ווילע געשוויגען און דערנאך געזאגט: — וויים איך ווער?..
— אן אויסגעטראכטער?

גיטל האט טרויעריג א שמייכעל געטאן און צוגעגעבען אז ער איז אן אויסגעטראכטע זאך. זי האט איהם קיינמאל ניט געזעהן נאר זי טראכט וועגען איהם. ער שטעלט זיך איהר פאר צו זיין א העלד, א געלערנטער, א גוטער.

נאך דעם קורצען געשפרעך מיט איהר וועגען איהם האב איך ביי מיר אין טיעטראדקע א ניי־געבאקענע ליעד געפונען:

„ווען איך וואלט קיין דיענסט געווען
וואלט ער מיך שוין לאנג געפונען. —
ער וואלט זיך אין מיר פערליבען
און צו זיך אוועקגענומען.
ער וואלט זאגען: ליעבע גיטל!
קום מיט מיר אוועק פון דאנען,
זיך פארניינען אהן א היטעל
און זיך לאזען מיט מיר שפאנען
איבער פעלדער, איבער וועלדער,
איבער גרינע בערג און טהאלען,
דארטען וואלט אונז גוט געווען,
זעהר גוט, איך קען מיך מאהלען!
קיינער וואלט אונז דארט ניט שטערן
זיך צו לעבען שטיל און ציכטיג
ס'וואלט שיינען די לבנה
און די זון וואלט מאכען ליכטיג.
איך וואלט רייסען קווייטלאך, בלומען,
איהם דאס אלץ אוועקגעגעבען.
איך וואלט שיינע ליעדער זינגען
צו פערזיסען איהם זיין לעבען.
אלץ וואלט זיין אי גוט אי שעהן
ס'וואלט שוין איין מאל זיין א לעבען!
אלץ וואלט אנדערש נאר געווען
ווען איך וואלט קיין דיענסט געוועזען.

זעהר אפט איז דאס עסען רווח געווען אדער ביז צום דעק אויסגעבערענט איבער די ליעדער וואס גיטל האט געשריבען. אבער איך האב זי ניט געוואלט ארויסגעבען. איך בין אין דעם אליין אזוי אריינגעצויגען געווארען אז ב'וואלט ווער ווייסט וואס געטאן איהר צו העלפען דאס פון אלעמען בעהאלטען.

זי האט דאס גוט געוואוסט און זיך דעריבער מיר פערטרויעט. איהרע פלעגער פאר דער צוקונפט זיינען געווען צו דיענען ביז זי וועט אנקלייבען גענוג געלד אויף צו לערנען זיך אן ערעלע ארבייט און אין אנדער שטאט וועט זי אוועקפאהרען קיינער זאל ניט וויסען וואס זי איז א דיענסט. ד'ט ווען עס איז א בוך ליעדער אנשרייבען, וואו זי וועט דערווייזען ווי שווער עס איז פאר דיענסטען צו לעבען אויף דער וועלט, אויפווייזען אז דיענסטען זיינען אויך מענשען און אז מ'דארף זיך מיט זיי ניט שעה־מען.

ווען זי האט שוין געהאט גענוג געלד אנגעקליבען און זיך געגרייט פון אונז אוועקצופאהרען, האב איך זי צו א פאטאגראפער אריינגענומען און זי געלאזט פאטאגראפירען.

אין בילד האט זי מיר צום אייביגען אנדענקען געגעבען.

ווי א לעבעדיגע איז זי אויפ'ן בילד ארויסגעקומען. איהרע לעבעדיגע אביסעל „קאסאקע" אויגען, מיט די פולע עטוואס אפענע ליפען און ארויף־ פעריסע נעז, געזעל האבען פרעהליך געשמייכעלט.

אויסער וואס צום „אייביגען אנדענקען" האט זי מיר נאך אנגעשריבען:

כ'פאהר אוועק און וועל געדענקען,
ווי גוט איהר זייט צו מיר געווען,
איך וועל געווים נאך אייך שטארק בענקען.

און שרייבען וואס'ט מיט מיר געשעהן.

זי האט אבער ניט געשריבען וואס מיט איהר איז געשעהן און צו יעדער מאל וואס איך טו א קוק אויף איהר בילד, באהערשט מיך א פארלאנג צו וויסען וואס ס'איז מיט דער, גיטל, די ארימע דיענסטמיידעל פאעטעסע געווארען.

....

קיינמאל נישט אנערקענט די אידישע נאציאנאל ראטען, און צוטרכען זיי נאך א קורצער עקזיסטענץ.

דער עקס־קייזער ווילהעלם איך א איד.

די שאוויניסטען אין דייטשלאנד באשולדיגען די אידען אין אלע אומגליקען וואס האט געטראפען זייער לאנד פון דער נידעראלגע אין דער מלחמה ביז דער רעוואלוציע. די אידען זיינען לויט זייער מיינונג פאראנטוואָרטליך פאר אלע זייערע צרות און ליידען.

לעצטענס, למשל, האט א דייטשער אנטיסעמיט געמאכט אן אינטעריסאנטע ענדעקונג, אז דער געוועזענער קייזער איז אויך א איד. אין א בוך פון 200 זייטען באמיהט זיך דער מחבר אויפצואווייזען, אז ווילהעלם האט איבערגענומען אלע אייגענשאפטען פון זיין מוטער, וועלכע האט געהערט צו דער „אידישער קאבורשער" פאמיליע און ניט פון זיין פאטער וואס איז געווען א האהענצאלערן און דורך און דורך א דייטש. ער ברענגט דערביי אלס באוויז צוויי פאטאגראפען פונ'ם קייזער, וועלכע צייגען לויט זיין מיינונג בולט אז זיין גאנצע אויסזעהן, געסטיקולאציע און באוועגונגען זיינען אידישע. דער מחבר באהויפטעט אז אידיש בלוט דערקענט מען

די מצה וואס האט געמאכט א שטאדט בעריהמט

אין דער אמעריקאנער אינדוסטריעלער וועלט איז ניט קיין נייעס אז א שטאדט זאל ווערען באריהמט צוליעב א געוויסען נאציאנאלען ארטיקעל וואס ווערט דארט פאבריצירט. למשל מילוואקי איז געווען בעריהמט אין גאנצען לאנד אלס „די ביער שטאדט". די שטאדט טראי איז בעריהמט אלס די שטאדט פון קאלערס און העמדער; סיראקיוז איז בעריהמט פאר די פאטאגראפישע אפאראטען וואס קומען פון דארט: פיטסבורג איז בעריהמט פאר שטאהל; סקרענטאן איז בעריהמט אלס קוילען שטאדט, און אזוי האט זיך יעדע שטאדט איהר אויסצייכנונג. סינסינעטי איז, צום אידישען פובליקום געווען במעט ווי אונבעוואוסט ביז אלע אידען אין דער גאנצער וועלט האבען אנגעפאנגען אנערקענען די הויכע קוואליטי פון די מאנישעוויטץ מצה, און אזוי ארום איז סינסינעטי געווארען בעקאנט צו אידען אלס די מצה שטאדט, ווייל דארט געפינט זיך די גרעסטע מצה בעקעריי אין דער וועלט וואס סופלייט מיהר מצה צו אידען אין דער גאנצער וועלט ווי אלע קליינע מצה בעקעריעס צוזאמען גענומען.

וועהענד די פירמא פיהלט שטאלץ וואס איהר פראדוקט איז געווארען אזוי בעריהמט ביי אלע אידען פון דער גאנצער וועלט, אז מען געדענקט די שטאדט צוליעב איהר, ראטה זי אבער אלע אידען, וועלכע קענען קיין אנדער מצה ניט געברויכען, אז זיי זאלען פון זייער מצה דיעלער אדער פעדלער פארערען מאנישעוויטץ'ם מצה מיט'ן נאמען מאנישעוויטץ. זי זאגט צו די מיליאנען אידען איבעראל: „קויפט ניט סתם מצה, קויפט ניט סינסינעטער מצה, קויפט „מאנישעוויטץ מצה", נור דאן וועט איהר זיכער זיין אז איהר קריעגט די עכטע, א גאראנטי אז איהר קריעגט די ריכטיגע איז נור דאן, ווען איהר וועט אכטונג געבען אז דער נאמען מאנישעוויטץ מיט זייער טרייד מארק, וועט זיך געפינען אויף יעדער באקס מצה און אויף יעדען זעקעל מצה מעהל אדער פארפעל. געדענקט דאס, ווען איהר געהט קויפען מצה!

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

ענגליש אין די אראבישע שולען אין ארץ ישראל

די לעצטע טעג האט די רעגירונג זיך געווענדעט צו דר. יוסף לוריא, דער שעף פון ציוניסטישען ועד החנוך אין ארץ ישראל מיט די פאלגענדע פראגען:

1) צו דענקט איר אז ס'איז נויטיג איינצופיהרען לערנען ענגליש אין די אראבישע שולען אין די שטעדט?

2) צו דענקט איר אז מען דארף לערנען ענגליש אין די עלעמענטאר אראבישע שולען אין די שטעדט.

סידישע קרעפטען צו לערנען זיי ענגליש?

3) אין עס כדאי זיך אויסצונוצען מיט

דר. לוריא האט געשיקט דעם פאלגענדען ענטפער:

1) ס'איז נישט נויטיג נאך מיין מיינונג, איינצופיהרען ענגליש אין די אראבישע דארפ'ס שולען און אין די עלעמענטארע אראבישע קלאסען אין די שטעדט, פונקט ווי ענגליש ווערט נישט געלערנט ווען אין די שולען פון די אידישע קאלאניעס און אין די ערשטע 4 יאר אין די שטעדטישע שולען.

2) ס'איז כדאי אויסצונוצען די סידישע קרעפטען אום צו לערנען נויטיגע ידיעות אין וויסענשאפטען פארן לעבען און נישט א פרעמדע שפראך. די אראבישע נאציאנאלשפראך מוז זיין די הערשענדע אין די אראבישע שולען, און אין די העכערע קלאסען זאל מען לערנען ענגליש ווי א נוצליכע פרעמדע שפראך אין לאנד.

דר. לוריא'ס ענטפער איז אריינגעפאלען אין די הענד פון דעם אראבישען ועד החנוך. דער לעצטער איז זעהר געווען צופרידען פון דעם ענטפער.

ארויסגעוויזען אז די הייזער זיינען געווען אין א זעהר שלעכטען צושטאנד.

עס איז דאן פארגעפיהרט געווארען א פראצעס געגען מר. הוירסט, וועלכער האט שפעטער דורך בריעף באלייריגט מרס. סטויארט ערקלערענדיג אין איינעם פון זיי אז זי האט גע'גנב'עט דאס איינגענטהום.

מר. טהאמאס האט ווייטער דערצעהלט אין געריכט, אז מרס. סטויארט האט צוריקפארקויפט דאס אייגענטום און האט דערביי פארלוירען 600 פונט

איינער פון די בריעף האט געהאט פאלגענדע שטעלע:

„נידער מיט די אידען, באיקאטירט די אידען, קויפט קיינמאל נישט ביי א איד און פארקויפט נישט צו קיין איד, באשעפטיגט נישט קיין איד און ארבייט נישט פאר קיין איד. מיידט אויס די בלוטזויגערישע, שווינדלערישע אידען; באיקאטירט זיי און באווייזט זיי אז זיי קענען נישט שווינדלען און רויבען מענשען אונבאשטראפט".

דער אנגעקלאגטער איז פארמישפט געווארען צו באצאהלען הונדערט פונט שאדען־ערזאץ.

אנטיסעמיטיזם אין דער פוילישער וויסענשאפטליכער געזעלשאפט.

די פוילישע ציטונג „ראבאטניק" מעלדעט, אז די פוילישע וויסענשאפטליכע געזעלשאפט האט אויף איינער פון אירע לעצטע זיצונגען ענטזאגט ארייננצונעמען א פוילישען דאקטאר אלס מיטגליעד פון דער געזעלשאפט ווייל ער שטאמט פון אידען.

די דאזיגע אנטיסעמיטישע האנדלונג, באמערקט דער „ראבאטניק" איז נישט קאנסעקווענט מיט'ן פאקט וואס 90 פראצענט פון די ארטיקלען אין די פוילישע מעדיצינישע זשורנאלען ווערען געשריבען דורך אידען.

אנטיסעמיטיזם אין בוקאווינא

פון וויען טיילט מען מיט, אז די רומענישע רעגירונג האט פונאנדערגעלאזען דעם ראט פון דער אידישער קהלה אין טשערנאוויץ און באשטימט אן איינעם פארשטעהער צו באהאנדלען די אידישע קהלה ענינים.

די דאזיגע האנדלונג צייגט בולט די שטעלונג מצד די רומענישע אויטאריטעטען אין בוקאווינא, און וועלכע האבען

אנטיסעמיטישער אדוואקאט געגען אידען

א פארלומדונגס־פראצעס פאר רופען צו א באיקאט געגען אידען איז פאר געקומען פאר מר. דזשאסטים בעלייטש און פאר ספעציעל־געשווארענע. דער פראצעס איז פארפיהרט געווארען פון מר.ס. דזשוליוס סטוארט כדי צו באקומען שאדען ערזאץ פון ס. פערסי ערנעסט הוירסט צוליעב פארלומדונג.

מר. לואיס טיצאס, דער אדוואקאט פארן אנקלעגער האט ערקלערט, אז מרס. איז אן אלמנה פון א 67 יאר. מיט יארען צוריק האט זי געקויפט לאנד אייגענטום אין וועסט העם וואס איז באשטאנען פון זעקס קליינע הייזער. ווען מען האט געמאכט אן אונטערזוכונג האט זיך

פריש ווי פון אויוועך ארויס

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

די איינציגע מצה, וועלכע איז פארזיגעלט אין שטארקע קארטאנס (באקסעס) און געשיצט פון שטויב, פייכטקייט און ליפט בלייבט אימער פריש, קרוכלע און בע'טעמ'ט.

מאנישעוויטץ'ס מצות — יפה ומהודרה — מצה כשרה

הט זיך פאר נאכגעמאכטע

ר"ב. מאנישעוויטץ קא. סינסינאטי, א.

Levin Matzo Co. Agents for Michigan State etroit Office 255 Napoleon St	מישיגאן סטייט אגענטען: לעווין מצה קאמפאניע דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

לכבוד פסח

מאכט אייערע קינדער פרעהליך פיר דעם קומענדען יום טוב. א שעהנע דרעס פיר אייער קליינע מיידעלע און אן אפ טו דייט סוט פיר אייער קליינעם באיעלע.

מיר האבען א פולע ליין פון

פון קינדער גודס וועלכעס באשטעהט פון נאר וואס אנגעקומענע נייע סטיילס פיר קומענדען יום טוב

L. & L, Economy Store

1219 Hastings Strdet

(צווישען פאלמער און הענדרי)

מענס, ליידיעס און קינדער פורנישינג און א פולע ליין פון דריינודס.

דער שענסטער סטאר אין "אוקלאנד פאר סטייל און מעסיגע פרייזען.

זויפט אין אוקלאנד און סיוווט נעלך.

לודין און גאלדס

741 אוקלאנד עוו.

נעבען קענילוואָרט

דער סטאר וואס גיט אייך סאטיספעקשאן א גאנץ יאהר, וועט אייך נאך מעהר צופרידענשטעלען איצט.

לכבוד פסח

מיר האבען דעם שעהנסטען אויסוואהל פון

מענס און יונג מענס סוטס

העטס פורנישינגס, די לייטעסט מאדעלס און פעשאנס, אונזערע פרייזען וועלען אייך איבערראשען.

Ludin & Gould

Hacks Spring Style Shoes

העק'ס ספרינג סטייל שיך

זיינען די העכסטע קוואליטי אין שוהווארג, וואס מענשליכע הענד און מאדערנע מאשינערי האבען ווען געשאפען

הונדערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, בעוואונדערען מיט ערשטוינונג אונזערע 5 גרויסע שאו ווינדאוס מיט די פראכטפאלסטע סטיילס שוהס.

פאר מענער, פרויען און קינדער

וואס איז/ נאר ווען געציינט געווארען אין דעטראיט. אונזערע שוהס זיינען אימער געוועזען אנערקענט אלס די בעסטע אין סטייל און קוואליטי, אבער דיעזען סיזאן איבערטרעפען זיי אלע ע־ווארטונגען. איהר מוזט זיי זעלבסט זעהן אום זייער ווערטה ריכטיג אב־צושאצען.

פאר מענער 5.00 ביז 18.00; פאר פרויען 5.00 ביז 16.50; פאר באיס 3.50 ביז 7.50; פאר גירלס 3.50 ביז 10.00; פאר קינדער פון 75 סענט ביז 5.00 די פאאר.

The Store on the Corner that does Business on the Square

העק'ס שוה קא.

1047-1045 היסטינגס סטריט קא־נער פארנסווארטה

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 היסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע ריקאנער דאלעארס.

קעדילאק 2061

די באריהמטע

ר"ב מאיר לאנדאן'ס מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט בילינער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. אהדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע אַרדערס בעציטענס

O, K, Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder Cherry 6203

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט.
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

נט'ן זיך ווען מען האט שוין קינדער

פון ב. י. ג—ן

אגב אורחא'דיג ווערט אפטמאל פאריהרט די פראגע: צי האבען עלטערען פון קינדער דאס רעכט צו גט'ן זיך, צוליעב דעם וואס דער מאן, אדער די פרוי האט זיך פארליעבט אין אן אנדערען.

אין אנדערע ווערטער הייסט עס: צי האבען מאן, אדער ווייב א רעכט צו פארליעבען זיך אין צייט ווען זיי האבען שוין קינדער.

לויט דעם געלערטען מאקס נאָרדוי קומט אויס, אז עס איז ניט שווער פאר יעדען פארהייראטען מאן און יעדע פארהייראטע פרוי צו אונטערדריקען דעם געפיהל פון ליעבע. וואריום ווען די ליעבע איז נישט מעהר ווי א געשלעכטליכע נייגונג, דארף זי ביי פארהייראטע מענשען זיין גענוג שוואך, אז מען זאל זי קענען אונטערדריקען.

עס איז שווער צו מעסטען מיט איין מאָס אלע מענשען און עס איז נאך שווערער אלע יחידים ארונטערצונעהמען אונטער איין כלל און זיי באַפעהלען אזוי, אדער אנדערש צו רעגירען מיט זייערע געפיהלען.

עס זיינען פאראן כל ערליי אומשטענדען, וואס רעגירען מיט דעם מענשען שטארקער, ווי אייגענע זעלבער מאראלער רעגעל, אדער דין.

מען קען אבער דעם גרייסטען רוב מענשען יא ארונטערנעהמען אונטער איין כלל.

און פאר אט דעם דאזיגען כלל מענשען איז ראטזאם אונטערצודריקען דעם געפיהל פון ליעבע נאך דער חתונה נישט שוין אזוי צוליעב מאראל, יושר אדער מענשליכקייט, נאר צוליעב זיי אליין.

ווען דער מענש איז יונג הערט ער זיך מעהר צו צו די נייגונגען פון הארצען; ער פאלגט אים אלין און אלעס וואס זיינע געפיהלען דיקטירען איהם.

עס שלאגען שטארקער און היציגער די פולסען ביים יונגען מענשען און ער טרעט צוליעב דעם איבער נישט נאר די מאראלע פפליכטען, נאר אויך די התחייבות'ן, וואס יעדער מענש פיהלט אין דארף פיהלען צו זיין אייגענעם הומר, צו זיין אייגענעם גוף.

עס האט אמאל אימיצער געזאגט, אז עס איז נאך נישט געווען קיין שום פאאר פאלק אויף דער וועלט, פון וועלכע עס זאל נישט געווען איפעקר מען אויף'ן געדאנק דאס קליינע, גרייסע, נארישע און שרעקליכע ווארט: — גט.

יעדער פאאר פאלק טוט אמאל ווענען דעם א טראכט.

דאס קלוגע פאאר פאלק קומט אפ מיט דעם טראכטען און דאס נארישע — לויפט און גט זיך טאקע.

קיין אומגליק איז דאס נישט, ווען קיין קינדער זיינען נישטא.

עס איז פאראן א אידיש ווערטעל: אידער צוויי און ליידען, בעסער פיער און פרייידען.

טרעפט זיך אפילו אמאל אז אנשטאט צוויי און ליידען, זיינען גאר פיער און ליידען.

אבער אלין איז עס נאך נישט קיין צרה. כל זמן אז עס זיינען פאראן צוויי און נישט מעהר ווי צוויי. ביי מעהר ווי צוויי איז שוין א צרה.

עס מאכט נישט אויס ביי וועמען די קינדער בלייבען; עס מאכט נישט אונטער וואס פאר אן אומשטענדען זיי בלייבען — זיי זיינען אומגליקליך.

קיין שום שטיף מוטער קען דאס פלאץ פון אן אייגענער מאמען נים פארטרעטען; קיין שום שטיף פאטער קען נים פארטרעטען דאס פלאץ פון אן אייגענעם טאטען.

און עס ליידען — אלע: די קינדער און אלע פיער פארהייראטע.

אין מען יונג פארגעסט מען זיך נאך אין דער גרייסער עלה וואס מען האט די קינדער באגאנגען.

נישט אייביג אבער אין מען יונג.

עס הויבט אן טונקעל ווערען דעם מענשענס טאג. די פריידיגע זונן הויבט זיך אן צו זעצען; און ווען עס ווערט פארנאכט, מוז דעמאלט דער מענש אפרוהען פון זיין שווערער ארבייט.

און די צייטען, ווען עס קען שוין נישט הוישען זיין לעבען, ווען נייע אונטערנעהמונגען זיינען שווער פאר איהם, ווען און זיין שטענדיגער האַ־ ווענעש פיהלט ער זיך מיעד שטעלען זיך דאן פאר איהם אויס אלע זיינע יוגענד מעשים און פאדערען דין וחשבון און בילט'ערן קלאהרער און שארפער פאדערען חשבון זיינע אייגענע קינדער, געגען וועלכע ער איז חטאים באגאנגען.

און דעמאלט הויבט דער מענש אן צו צאהלען דעם חוב.

און דער חוב איז א דריקענדער און פאדערענדיגער און ער מאהנט מיט דער גרעסטער אכזריות.

ער דערמאהנט זיך אז צוליעב תאוה האט ער רואינירט דאס לעבען פון די סאמע טייערסטע, פון די סאמע חשוב'סטע און ליעבסטע און עס מוז דעמאלט א חרטה זיך יאָגען וואס זאל צופרעסען דאס הארץ.

אויך דערפיר זיינען חילוקים פאראן.

עס געפינען זיך נאך אין וואס פאר א מעמד די קינדער האבען זיך אויסגעשטעלט אויף דעם מאן'ס, אדער פרוי'ס אויפזיכט; וואס פון זיי איז אויסגעוואקסען אונטער א פרעמדער השגחה.

אבער ווענען דעם — אין אנדערש מאל.

דעטראיטער צייטונגען וועגען דעטראיטער ענינים

איבערזעצט פון ד. ראַוויטש

דעטראיט מוז האבען סאבוויים

דער שטאדט לאיער מר. ווילקינסאן, האט ניט לאנג געמאכט א באהויפטונג פאר דער באָרד אוו קאמערס, אז ווען אפילו דער מעיאר'ס פלאן זאל אנגענומען ווערען, וועלען נאך די געפלאנטע סאבוועיס אזוי שנעל ניט געבויט ווערען.

די „פרי פרעס“ איז ארוים מיט א עדיטאריעל קריטיקירענדיג מר. ווילקינסאן פאר זיין באהויפטונג. זי זאגט:

„דער מעיאר קאוזענס פיעס־מיעל קאר־פלאן, וואלט געווען א ווין, ווען ער זאל ניט ענטהאלטען א פונקט וועגען בויען סאבוויים — א פונקט וועלכער איז נוגע יעדען איינוואוינער אין דעטראיט.

„ווען לאיער טשארלס מ. ווילקינסאן, וועלכער איז אויך פרעזידענט פון דעם מעיארס סטריט רעילוועי קאמישאן האט לעצטענס געמאכט א סטייטמענט פאר דעטראיטער ריעל עסטייט בראוקערס, אז ער איז ענטשלאסען, דאס קיין סאבוועיס זאלען ניט געבויט ווערען לויט דעם איצטיגען קאוזענס־פלאן, האט ער דער־ ניט געמאכט א באהויפטונג, וואס פא־ דערט א קלאהרע ערקלעהרונג: פאר וואס? אזא באהויפטונג וועט פארניכ־ טען די האפנונגען פון טויזענדער בירגער, וועלכע טרוימען פון דער צייט, ווען זיי וועלען קענען זיין דאונטאון און גרייכען צוריק זייערע היימען אין אומגעגענדען און אין א גאנץ קורצער צייט.

„די ערקלעהרונג וואס מר. ווילקינסאן האט געגעבען צו זיין באהויפטונג איז ניט צופרידענשטעלענד. ער זאגט, אז די שטאדט קען יעצט ניט אונטערנעה־ מען צו בויען סאבוועיס, ווייל דאס וועט מיינען אז מען וועט דארפען בויען צו איינציגע [illegible]נס, און אזוי ווי די שטאט קען ניט „אפארדען“ צו בויען אלע סאב־ וועי ליינס מיט איין מאל, איז עס דאדום — זאגט ער — פראקטישער אינגאנ־ צען ניט צו בויען.

„אין אנדערע ווערטער הייסט עס אזוי: אלעס וועט בלייבען ווי עס איז. דער זעלבער „ראש“, די זעלבע אומבאקוועמ־ ליכקייט, די זעלבע שטערונג אין ביזנעס. די „לאגיק“ איז: אז דעטראיטער ביר־ גער קענען ניט קריגען דעם גאנצען לאַ־ בען אויף איין מאל, דארפען זיי קיין איינציגע פענעצלאך אויך ניט קריגען...

„און איצט לאמיר זיך פארשטעלען: עס מעיארס פלאן איז דורכגעפיהרט. לויט מר. ווילקינסאן איז עס אונמעגליך אנצופאנגען באלד אויף מארגען נאך די־ וואהלען אלע ליינס מיט איין מאל. בליי־ בען מיר, הייסט עס, ביים אלטען.

„דאס טאר אבער ניט דערלאזען ווע־ רען. דעטראיט מוז האבען סאבוועיס זא פארט. עס איז אין די אינטערעסען פון דעטראיט“.

סקוהל־קאאפעראציע

עס ווערט לעצטענס דיסקוטירט די מעגליכקייט פון שאפען איין סקוהל־ סיסטעם פאר וועין קאונטי. איבער דער זעלבער טעמא שרייבט די „דזשורנאל“ פאלגענדעס:

„אויב עס קען געפונען ווערען א וועג לויט די געזעצען פון מישיגאן סטייט, צו ארגאניזירען די סקוהלס פון וועין קאונטי, אונטער איין באָרד, אונטער איין סופעראינטענדענט, וואלט עס זיכער געווען א גרויסער געווינס. די סקוהל ארגאניזאציע פון וועין קאונטי איז יעצט א זעהר שלעכטע און די גאנצע סקוהל־ סיסטעם ליידט דאדורך. עס איז פיעל אויפגעטאן געוואָרען צו פארשפארען אומ־ זיסטע ענערגיע אין די שטעטלאך און דערפער פון וועין קאונטי, אבער פיעל דארף נאך געטאן ווערען אום צו צענטר־ אליזירען די גאנצע סקוהל־ סיסטעם, אזוי, אז עס זאל זיין איין מאשינערי. עס מוזען אפגעשאפט ווערען די גרענ־ צען צווישען דעטראיט און אנדערע מו־ ניציפאליטעטען פון וועין קאונטי, און אויב דאס קען ניט געטאן ווערען דורך א פארמירונג פון איין סיסטעם, טא זאל עס כאטש געטאן ווערען דורך אן ענגער קאאפעראציע, צווישען אלע סקולס פון וועין קאונטי“.

לאמיר זיך לערנען גוטע מדות פון דארפסלייט

אויף דזשעפערסאן עוועניו איז לעצ־ טע וואך א מאן איבערגעפאהרען געוואָ־ רען פון א קאר. עס זיינען פארבייגעפאה־ רען 9 אויטאמאבילען און קיין איינער פון זיי האט ניט געפונען פאר נויטיג אפצו־ פיהרען דעם פארוואונדעטען אין האספי־ טאל.

אט וועגען דער דאזיגער טעמא האט די „פרי פרעס“ געהאט אן אינטערע־ סאנטען עדיטאריעל, וועלכען מיר גיבען דא איבער:

„עס איז אן אנגענומענע מיינונג צווי־ שען מענשען אין די גרויסע שטעדט, אז א געמיינדע דארף געאורטיילט ווערען לויט איהר טומעל און טאראראם, לויט איהר צאהל הויכע בילדינגס א. א. וו.

„ווען א דעטראיטער איינוואוינער אז ער קומט אין א קליין שטעדטעל, קוקט ער זיכער אויף אלעס פון אויבען אראפ. ער האלט זיך גרויס מיט זיין טומעל און מיט זיין טאראראם.

„עס זיינען פונדעסטוועגען פאראן פי־ לע זאכען, אין וועלכע דער איינוואוי־ נער פון דער גרויסער שטאדט מעג שטארק מקנא זיין די קליין־שטעטעל־ דיגע.

„לאמיר דערמאנען א פאקט וואס האט ערשט פאסירט ביי אונז אין דעטראיט ניט איינע טעג צוריק.

„א מאן איז איבערגעפאהרען געוואָ־ רען פון א קאר אויף דזשעפערסאן עוו. ער איז געלעגען אויף די רעלסען אין א טייך בלוט און 9 אויטאמאבילען זענען פארבייגעפאהרען און האבען ניט געפו־ נען פאר נויטיג זיך אפצושטעלען און אפצופיהרען דעם אומגליקליכען אין האס־ פיטאל.

„דאס זענען געווען שטאדטישע מאטא־ ריסטען.

„אבער באלד איז אנגעקומען אן אנ־ דער סארט מאטאריסט: א דארפישער; אן איינוואוינער פון דער קליינער שטעד־ טעל פלימוטה. ער האט זיך ניט דער־ שראקען פאר דער אומבאקוועמליכקייט, וואס דער צובלוטיגטער מאן וועט איהם ברענגען. ער האט דערזעהן, אז א מענש וואלט היינט אין ס'איז נאר ביי איהם זיין פראגע ניט געווען, צי ער וועט דורכדעם איינשמוצען זיין אויטאמאבי־ ל אדער ניט.

„מענשען אין דער גרויסער שטאדט האבען זיך אין מאשינען פארוואנדעלט און אפגעשטארבען איז יעדער געפיהל פון מיטלייד און ברודערליעבע. וואס פאר א באטרעף האט די גאנצע שטאהל און אייזען שעהנקייט פון אונזערע גרוי־ סע שטעדט, אין פארגלייך מיט דער שעהנקייט פון כאראקטער, מיט וועלכען דער איינוואוינער פון דארף איז נאך אלין געבענטשט...“

די אמעריגע סיבה

פראפעסאר פריעדלענדער, דער אמערי־ קאנער אידישער שליח קיין אוקראינע, איז נישט אריינגעלאזען קיין אוקראינע און ער האט אויך אויסגעשטאנען צרות אין פוילען.

פוילען און אוקראינע קענען נישט דולדען קיין פריעדלענדער — ווייל זיי זענען קריגס־לענדער...

פרויען שטימרעכט

די אידישע פרויען אין ארץ־ישראל האבען באקומען שטים־רעכט. די פאלעס־ טינער אידישע פרויען וועלען אצונד אין עזרת־נשים קענען שטימען פאר אן איינענעם חזן, אדער פונ'טע.

פוילען מאביליזירט איהרע 19 און 20 יאהריגע יונגע לייט פאר א קריג געגען די רויטע באלשעוויסטישע ארמעען.

מיט גרינע אינגלאך וויל זי באקעמפ־ ען די רויטע גוואַרדייצעס וועלכע זיי־ נען שוין באלד פארשווארצט געוואָרען קעמפפענדיג!

די צייטונגען מעגען דערצעהלען מיט די גרעסטע קעפ, ווי די פאליאקען שלאָ־ גען די רוסען, נאר אזוי לאנג ווי דער פוילישער מארק האלט אין פאלען איז עס אנדערש.

טשארלי טשאפלין האט פארלאזען זיין ווייב. — ביי היינטיגע יקרות קען זיין ער מאכט פאר איהר קיין לעבען ניט. ער פערדענט סך־הכל א האלבען מיליאן דאלאר א יאהר.

אום זיך צו רעטען פון די לענדלארדס ראטעט א סאסייעטי לעדי צו וואוינען אין שיפלאך, אויפ'ן ריווער.

נו, דינגט שיפלאך, וועט איהר ניט האבען קיין לענדלארדס נאר וואָטער־ לארדס.

גרויסע קארפארייישאנס האבען אויס־ געפונען אז אן ארבייטער סטרייקט איז אן אויסגעצייכנעטע אינוועסטמענט. מען מאכט א געשריי „סטרייק“ דאן רייזט מען, דאס הייסט רייסט מען, גרויסע פרייזען.

צו זאגען אז פראנקרייך איז געוואָ־ רען מיליטאריסטיש איז א בלבול. — פראנקרייך איז כסדר געווען מיליטאריס־ טיש. אין דער פראפארציאן פון איהר באפעלקערונג האט זי געהאט נאך מעהר סאלדאטען אלס דייטשלאנד.

א טענאנט פאר פרעזידענט

טענאנטס ארגאניזירט אייך! אז איהר וועט האבען א פאליטישע מאכט און ער־ וועהלען א טענאנט פיר פרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס וועט ער אין פיער יאהר ארום ווערען א ריעל עסטייטניק.

פארשידענע רויבערייען און גנבות אין דעטראיט פאר די לעצטע צוויי טעג

זונטאג בייטאג האבען באנדיטען אויסגעבראכען א פענסטער אין דער בעק פונ'ם איגעל לאָדוש בילדינג 345 ברוקלין עוו., און ארויסגעלקח'ענט ארום $400 פון א סייף.

דזשאהן קאנטאַוואסקי, 229 פלאריין סטריט, העמטרעמקי האט באריכטעט צו דער פאליציי, אז באנדיטען האבען גע־ מאכט אויף איהם א „האלד אפ“ און פון איהם גערויבט 1.300.

צוויי ניגערס זיינען באפאלען א גע־ וויסען וואן דאל און זיין ביער סאלון, 59 שעין סטריט, און גערויבט פון קעש־ רעדזשיסטער די סומע פון $159.

וויליס סילוועסטער, פון 415 מוהלעט סטריט, האט באריכטעט צו דער פאלי־ ציי, אז דריי באוואפענטע מענער האבען איהם אפגעהאלטען צווישען שעין און דיובאו סטריטס און פון איהם גערויבט עטליכע דאלאר.

דריי באוואפענטע מענער האבען גע־ מאכט א „האלד אפ“ אויף א געוויסען ראבערט וואקס, 1540 וועלטאן עוו., און פון איהם גערויבט 80 דאלאר אין געלט און איינינע פעקלאך סחורה אין ווערט פון הונדערט דאלאר. די סחורה איז דאס אייגענטום פון דזש. ל. הארסאן און קאמפ. ראבערט וואקס איז א דרייווער פאר דיעזער קאמפאניע.

דער שטאַל אין דער בעק פון 115 טשעסטנאט סטריט, וועלכער באלאנגט צו מר. דזשייק ליכטענשטיין, 366 עלמי־ הורסט עוועניו, איז אויפגעבראכען גע־ וואָרען און 50 קעלבערנע פעלבלאך, אין ווערט פון $400 זיינען ארוים גענגב'עט געוואָרען.

א ניגער איז זונטאג ביינאכט אריין אין א גראסערי סטאר, 188 מילפארד עוו., אנאנסירט מיט א רעוואלווער שאס, אז ער איז דא, און ארויסגענגב'עט $165 פון קעשרעדזשיסטער, נאכדעם ווי דער איינענטימער איז א צושראקענער ארויסגעלאפען אין דער בעק.

די פרעה'ס נעבעך

פאר פסח דערמאנט מען זיך ווי די אמאליגע מצריים האבען געמוטשעט די אידען. נאר מען מוז מודה זיין אז עס איז שוין צייט דאס די היינטיגע מצריים זאָ־ לען אויסגעלייזט ווערען פון ענגלאנד'ס יאָך.

* * *

פיעלע ארבייט שיינט צו זיין איבער אייער כח, ביז איהר פרובירט זיי טאן.

„בלייס די סיטי“

אין א שטעטיל וואו די קאר ליינס באַ־ לאנגען צו דער שטאדט, אין דעם טראָ־ בעל. וואס איך, פלעג האבען יעדעם מאל וואס איך האב געדארפט פאהרען מיט דער קאר. אין נארטען אנטאריא איז דאס שטעדטעל בעסער געזאגט צוויי שטעדטלעך א צווילינג שטאדט.

און די קארס באלאנגען צו ביידע שטעדט.

פון איין שטעדטעל ביז'ן צווייטען איז א האלבע שטונדע „וואק“ אדער 10 מי־ נוט פאהרען.

אין דעטראיט פאר 5 סענט פאהרט מען פון סיטי האל מיט וואודווארד עוו. ביז לאנ קעבען און וויטער.

מיט דער 14טער סטריט פון אנהויב ביז ווער אוט אוקלאנד און, אז מען שעצט זיך ארויף דער קאר נעמט דער קאנדוקטאר 5 סענט.

עס געהט אוועק 5 מינוט אזוי גיך ווי דער פאסאזשיר האט זיך נאר אוועקגע־ זעצט און נאך קיין צייט ניט געהאט צו באהאלטען דעם טשענדזש צוריק אין קע־ שענע, איז שוין דער קאנדוקטאר ווידער דא און ער בעט — פעיר בפליעז.

איינמאל איז מיר אריינגעפאלען די מיינונג דעם קאנדוקטאר פאר וואס קומט איהר 5 סענט פאר יעדע 5 מינוט רייזע ווייסט איהר וואס ער האט מיר געענט־ פערט?

— וואס בלייסט איהר מיך?

בלייסט די „סיטי“ און די „סיטי“ דארטען האט קיינמאל ניט א טראבעל גע־ טאן פאר וואס עס קומט איהם 5 סענט פאר 5 מינוט רייזע.

און אזוי צווילינג שטאדט האט געהאט צוויי „סיטיס“ האבען זיי גענו־ מען צוויי מאל קאר פעיר.

נאך א זאך אין — האט די סיטי פאר די 55 סענט פאר די 5 מינוט אויך ניט געקענט אפפאדערן צו צאהלען א קאנדוק־ טאר מיט א מאטארמאן פלעגט דער מאטארמאן אויך דארפען זיין דער קאנדוק־ טאר.

די קאר האט געהאט בלויז איין טהיר, און דער מאטארמאן פלעגט דארפען עפ־ נען די טיר ניט נאר פאר פאסאזשירען צום ארונטערשטייגען נאר אויך פאר די פאסאזשירען וואס דארפען באשטייגען די קאר.

דערזעלבער מאטארמאן - קאנדוקטאר פלעגט אויך דארפען קאלעקטען די פעיר.

ארטיקעל צוויי

פון ד. ה.

דער רעזולטאט איז געווען אז פא־ סאזשירען פלעגען זיך שטופען אריין און ארויס, און דער מאטארמאן־קאנדוקטאר פלעגט זיך אזוי צוטומלען אז ער פלעגט אפט ווערען נערוועז, און ניט קענען אטענדען ריכטיג זיין דזשאב, און אלע טאג פלעגען זיין נייע קאנדוקטאר־מא־ טארלייט אויף די קארס און דאס פלעגט געבען די ערגסטע סירוויס וואס איהר קענט זיך פארשטעלען און ס'איז ניט גע־ ווען צו ווענדען צו באקלאגען זיך. און די סירוויס האט געקאסט דאבעל פעיר.

און ווען איך דערמאן זיך אן יענער צווי־ לינג שטאדט, פון דעם מאטארמאן וואס איז אויך א קאנדוקטאר און ווערט עק־ סייטעט און נערוועז אלע מינוט ווען א פאסאזשיר דארף אריין און ארויס, און ווי מען קאלעקטעד קאר פעיר 10 סענט פאר 10 מינוט רייזע און וואו יעדער אי־ נער איז ניט צופרידען און שרייט „בלייס די סיטי“ זאג איך צו זיך אליין.

— נא מאר — סטי קארליינס פאר מיר.

— איך וויל א פריוואטע קא. וואס צאהלט אטענשאן צו מיינע קאמפלעינס און איז צופרידען צו בויען קארס און באשעפטיגען די בעסטע אנגעשטעלטע און צו געבען מיר די בעסטע סירוויס. איך בין ניט קיין פאליטישען, נאר א פריוואטער בירגער וואס מיינט זיינע אי־ גענע ביזנעס, און איך וויל א קאר קא. וואס זאל האבען אויך איהר ביזנעס צו געבען סירוויס, די „סיטי“ האט גענוג זאכען פאר וואס צו זארגען און זי זארגט ניט.

די סיטי האט אזוי אויך א היבשען בודזשעט און דארף פון איהם שניידען איך וויל ניט אז א פאליטישען זאל בויען זיך א קאריערע און איך זאל דארפען צאהלען דערפאר.

איך האב א היים און דארף זי אויס־ צאהלען.

איך האב קינדער און דארף זיי ביל־ דען, דאס קאסט געלט.

איך האב א ביזנעס און די ביזנעס פאדערט יעדען סענט וואס איך קען נאר אפשפארען.

און אויב מענשען פריוואטע האבען א ביזנעס און זייער ביזנעס איז סטריט קארס לאז מען זיי לאזען מיינדען זייע־ רע אייגענע ביזנעס איך וויל ניט שפעקו־ לירען. איך קען ניט טראכטען קיין פאלי־ טישען און דערנאך זאל מען איך זא־ גען: „בלייס די סיטי“.

וויאזוי קענט איהר שעהנער מאכען און פרעהליכער מאכען אייער היים דיעזען פריהלינג? דאס זיינען די גלענצענדע מיטלען.

גרינעל בראס.־וויקטארלא קאמבינישאן פאר פסח

שעהן און קאמפליט — א נייער און פערשידענער אוט־ פיט — אזעלכער וועלכער וועט אנהויבענדיג די וואך, שעה־ נער מאכען און פרעהליכער מאכען פיעל היימען.

ווי איהר זעהט איז דער קאבינעט אזוי געמאכט, אז ער נעהמט אינגאנצען אריין די וויקטראלא — אין אויסזעהן פערגלייכט ער זיך מיט די מעהר טייערע פלאר מאדעלען. אין דער זעלבער צייט האט איהר א פולען, קלאר טאנינען אינסטרומענט — א וויקטראלא — וועלכע צוזאמען מיט אלעס גיעט א אויסגעצייכענטען טאן פון קוואליטעט. דער קאבינעט ענטהאלט אויך א רעק פאר רעקארדס. ביידע די וויקטראלא אדער קאנווערטא קאבינעט קענט איהר האבען אדער אין רייכע מאהאגאני אדער אא אוק. א אוק זעקס צוויי זייטיגע 85 סענט. רעקארדס, אדער אנדערע פון זעלבען פרייז זיינען אריינגערע־ כענט אין אוטפיט פאר פסח — און א גאנץ יאהר — יעצט איז די בעסטע צייט צום קויפען.

$75.10

פאר דער פאפולארער

וויקטראלא IV

קאנווערטא קאבינעט פאר אינסטרומענט און רעקארדס צוזאמען מיט צוועלף סעלעק שאנס

אויף אויסצאהלען

$15 איינצאהלען

$7.50 מאנאטליך.

Grinnell Bros,

דאון טאון ברענטש

1-3-5 Broadway

26 סטארעס הערקוואַרטערס

243-47 Woodward Ave.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 79 authorozed by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Wednsday, March 31th 1920 Vol. 2, No 42 מיטוואך מארטש 31 1920

אלבאני'ר אסעמ.-קאמיטע באשליסט אויסצושליסען די 5 סאציאליסטען

אלבאני, מארטש 30. — דער מאיא־ריטעט באריכט, וואס „דושודיסיערי קא־מיטע” פון ניו־יארקער לעדזשיסלייטשור האט היינט אריינגעבראכט לויטעט, דאס די-5 סאציאליסטישע אסעמבליליים, וועל־כע זענען אויסגעשלאסען געווארען, זע־נען „אונפאסיג” און ס'ווערט „רעקאמענ־דירט, דאס זייערע פלעצער אין דער אסעמבלי זאלען ערקלעהרט ווערען ניט-פארנומען”.

„די סאציאליסטישע אסעמבלילייט, לואיס וואלדמאן, אגוסט קלעסענס, טש. סאלאמאן, סעמיועל א. דעווויט און סע־מיועל אר — ווערט דרדט געזאגט, זענען ניט אונטערטעניג צו דער קאנסטיטו־ציע און די געזעצען פון די פאראייניג־טע שטאטען, אויך זענען זיי ניט וויליג, אז דאס לאנד זאל זיין וואוילהאבענד, זיי זענען אויך ניט אין הארציגען איינ־קלאנג מיט דער רעגירונג און אהרע אינ־סטיטוציעס”.

דער מינאריטעט באריכט איז, אז מ'דארף די סאציאליסטען ערלויבען פאר נעהמען זייערע פלעצער.

נעגער געלינטשט פון מאב אין פאריז, קענטאקי

פאריז, קענטאקי, מארטש 30. — דער ניגער גראנט סמיטה, וועלכער איז מיט איניגע מאנאטען צוריק פארשוואונדען נאכדעם ווי ער האט פארגוואלדיגט האבי אנדערסאן, א פארמער'ס א טאכטער פון פלעמינסבורג, איז נעכטען געלינטשט גע־ווארען פון א מאב, ווען אפיסערס האבען איהם געפיהרט אין היגען דזשייל.

דער מאב האט דעם ניגער אריינגע־זעצט אין אויטאמאביל, איהם אוועקגע־פיהרט אין מעיס ליק, פלעמינג קאונטי און איהם אויפגעהאנגען צו א טעלעגראף סלופ.

סמיטה איז ארעסטירט געווארען אין פאנטיאק, מישיגען לעצטע וואך, ...

ווען געהאנגען און דער מאב — פאר־שוואונדען.

עס ווערט ערקלעהרט, אז דער ניגער האט זיך 15 מינוט צייט געמאטערט ביז ער איז געשטארבען.

ניובערי קומט אין וואשינגטאן אבער ניט אין סענאט

וואשינגטאן, מארטש 30. — טרומאן ה. ניובערי, וועלכער איז נעכטען דא צו־ריקגעקומען, האט געזאגט, דאס ער וועט זיך ניט אומקעהרען אין סענאט, ביז די פראגע וועגען זיין משפט וועט ניט ווע־רען געלעזט פון סופרים קאורט.

מר. ניובערי איז ניט געוועזען אין דעם סענאט, ...

היגע פראמינענטע בירגער בעטען צו באפרייען ראדיקאלען

וואשינגטאן מארטש 30. — קאנגרעס־מאן ניקאלאס האט היינט ערהאלטען א פעטיציע צו באפרייען 200 דעטראיטער פארדעכטיגע ראדיקאלען, וועלכע גע־פינען זיך איצט אין פארט-וויין און וועל־כע איז אונטערגעשריבען פון פראמינענ־טע פארשטעהער פון דעטראיט.

צווישען די, וועלכע האבען די פעטי־ציע אונטערגעשריבען געפינען זיך: מרס. ווילארד פאופ, מרס. הענרי פארד, מרס. בענליי, בישאפ טשארלס ד. וויליאמס, מרס. בעלע הענדערסאן, דר טאמפסאן סטיווענס און מרס. פארעל.

די פעטיציע באהויפטעט, דאס וואס לענגער די פארדעכטיגטע ווערען גע־האלטען, מעהר אומרוהען מוזען ערוואר־טעט ווערען.

קינגער וויל היינט ניט ארבי־טען פאר דער שטאט. שטט מר. אטקינסאן.

דזשאהן אטקינסאן, פון דעפארטמענט און פאבליק ווארקס, האט ...

פארשוואינדענע מיידעל פון „פעשאן גאמבאל” זוכט זיך אפ

לעצטע וואך האבען בייזע צינגער שוין שיער ניט אויסגעטראכט א בלבול אויף ...

איף דעטראיטער גאסען

קאונטי קאמישאנער און לא־יער פארוואונדעט אין א קאר עקסידענט

ארטור וויטקאם, טעקס קאמישאנער פון וויין קאונטי און טשארלס א. ראב־בינסאן, א לאיער פון 873 באלדווין עוו., זיינען מאנטאג אווענט פארוואונדעט גע־ווארען, ווען זייער אויטאמאבילען זיי־נען געקומען צו א צוזאמענשטויס אויף רזשעפערסאן און סט. קלעיר עוועניוס.

אנדערע אויטאמאבילען און קאר עקסידענטס

אירווינג ברייען, 30 יאהר אלט, פון 13 בענאל עוו., ליגט יעצט אין רעסי־ווינג האספיטאל אין א שטארבענדען צו־שטאנד, אלס רעזולטאט פון אן אויטאַ־מאביל עקסידענט נעכטען פריה אויף ווארען און ליווערנאי עוועניוס.

מרס. נעלי וויקהאם, וועלכע איז גע־פאהרען אין ברייען'ס קאר, איז אויך אין רעסיווינג האספיטאל אין א גאנץ ערנסטען צושטאנד. ...

האלט אפ איין א דרייווער, טראק בארויבט

פארטרייבט צוויי באנדיטען מיט א בוטשער-מעסער

יין כשר לפסח!

אמעריקאן פעדערייש·ן אוו לייבאר שליסט אויס באהן-ארבייטער

עס איז נעכטען אנגעקומען א מעל־דונג אין דעטראיט, אז די „בראדערהוד אוו מיינטיינענס אוו וועי ענד לייבאר שאפ לייבארערס” איז אויסגעשלאסען גע־ווארען פון דער אמעריקען פעדערייש·ן אוו לייבאר.

די אורזאכע פון דער אויסשליסונג איז ווייל די אויבען דערמאנטע בראדערהוד האט זיך אנטזאגט צו פאלגען א באשלוס פון דער פעדערייש·ן, וואס האט גע־לויטעט, אז זי, די בראדערהוד, מוז אויפ־געבען איהר יורידיקציע איבער אר־בייטער, וועלכע געהן, לויט דער מיינונג פון דער פעדערייש·ן, ניט אריין אין זיי־ער פאך.

הושארדזש סיעל, דער סעקרעטער פון היגען לאקאל האט ארויסגעגעבען א סטייטמענט אז די אויסשליסונג וועט באריהרען ארום טויזענד דעטראיטער אר־בייטער. ער זאגט, אז די פראגע פון יורידיקציע איז אריינגעבראכט גע־ווארען אויף דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערייש·ן אוו לייבאר אין אטלאנטיק סיטי פון דער קארפענטערס יוניאן, וועלכע האט געפאדערט, אז די ריילוועי בראדערהוד זאל אויפגעבען איהר יורידיקציע איבער ארבייטער וואס געהן אריין אין קארפענטער־פאך.

דער ניי ערוועהלטער פרעזידענט פון די דעטראיטער אייזענבאהן־ארבייטער, מר. ע. פ. גראבעל, האט זיך אנטזאגט צו מאכען אירגענד וועלכע ערקלעהרונג אין באצוג צו דער אויסשליסונג, כל זמן דער היגער לאקאל וועט ניט ערהאל־טען אן אפיציעלע מעלדונג וועגען דעם.

מר. גראבעל האט געזאגט, אז דער סכסוך צווישען דער קארפענטערס יוניאן און דער ריילוועי בראדערהוד איז שוין אלט נעגוויע צעהן יאהר. די פראגע וועט, לויט זיין מיינונג, זיין געשליכטעט נעק־סטען מאנאט.

מארטענס ארעסטירט אלס „אומגעווינשטער”

וואשינגטאן, מארטש 30. — לודוויג ...

תלמוד תורה'ס פאראייניגען זיך

סדרים וועלען געפרא-ווערט ווערען אין שערי צדק שול

דעניש פאלק וויל א רעפובליק

שנעלע הילף געשיקט צו די קרבנות פון שטורם

12 טויט און 40 פארוואונדעט אין מישיגאן

די לעצטע באריכטען בנוגע אונזער איינענער סטייט ווייזען אז 12 זיינען ...

דער טויטען ליסט גרייכט ביז 176.

"אין א ווינקעל פון דעטראיט"

דאס איז דער נאמען פון דעם נייעם ראמאן

געשריבען ספעציעל פאר'ן „וועג” פון

ב. איפאיעוויטש

וועט זיך אנהויבען צו דרוקען אינ'ם פסח נומער.

דער פסח נומער פון „וועג” וועט זיין א סורפריז. עס וועלען זיך באטייליגען משה נאדיר, מנחם, מרים קארפילאוו, משה טאלטשין, עליאש, ש. פאן, ישראלי, ארטור עסעלין, ש. נעפאם, ר' ברוך'ל און אונזער רעדאקציאנעלער סטאף.

CLASSIFIED

פיר פאמעליע בריק פלעט

סאוטה פון אר־דען פארק. 5 רומס און סליפינג פארטש, 3 גאראדזשעס בלויז $11.000 $26.000 איינצאלען.

Maloney-Campbell Realty Co.

504 Free Press Bldg.

געפונען, א פאק מיט קענדי און טשואינג גאם, נעבען בראש און רואינא פרעגען, כח, לואים כהן 221 ברײדי סט. ביזנעס אדרעס: 356 גרענד ריווער. (31

צו פארקויפען, אף ענטווין סט., א סאליד בריק קארנער סטאר און פלעט בילוג, פרעגען אין 311 פארנסווארטה

צו פארדינגען א רום אדער צוויי פאר אן אינטעליגענט קאפעל מיט א קינד אין 286 קאלווערט סטריט קאר. האמילטאן בולווארד פרעגען ביי מר. שקלאר.

א גוטע טיילאר סטאר צו פארקויפען. אין 430 הייסטינגס סט. גאראנטירט צו מאכען א גוטען לעבען און סייפען געלד. פרעגען צווישען 6 און 7 אווענד אדער טעלעפאנירען טשערי 2938 דזשיי.

לאיער מתתיהו ליסס האט נעוע פענט א ברענטש אפיס פאר די אווענדען און 325 וועסטמינסטער סט. טעל. העמלאק 533 דאבליו דאן מאן אפיס. 928 טשעמבער אף קאמערס בלדג. סטייט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978

קאפלאן'ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע ליינס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיערענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קוירטענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפליט ליין און ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענר פארנישינגס און האנדרוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט און וואלענס פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעסמייקערס טרימינגס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין

ר' דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט

טעלעפאן, מעין 4420

האלס

צו פארדינגען, אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט

— 204 הענקאק איסט —

פאר מיטינגען, לעקטשורס, ליטעראַרישע אווענטען קאנצערטען, פארטיעס און חתונות.

ביליגע פרייזען.

פרעגען אין אינסטיטוט יעדען טאג.

י. שטאוק.

ווילט איהר סייווען 30 פראצ.? ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאווס, ראנגס, בעדרינגס פאנאגראפס און לעמפס

— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאט עוו. — מעלראוו 4985

שיקט אריין נאר 2 דאלאר

וועט איהר באקומען א **האלב יאהר צייט** איינע פון די פערשפרייטעסטע, פיהרענדע און בעסער אינפארמירטע צייטונגען אין פוילען.

דאס „פאלקסבלאט".

א **דעמאקראטישער** ארגאן, וואס ערשיינט אין לאדז.

דורכ'ן „**פאלקסבלאט**". ויעלעס האט איינענע קארעספאנדענטען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען, ליטע א. אז. וו. וועט איהר געוואהר ווערען אלץ, וואס עס טוט זיך אין פוילען, ליטע, אוקראינע, א. אז. וו.

דורכ'ן „**פאלקסבלאט**" קאנט איהר אייך בעקומען גרוסען פון אייערע קרובים און בעקאנטע.

דאס „**פאלקסבלאט**" וועט אייך אייך העלפען אויפזוכען אייערע קרובים.

דורכ'ן „**פאלקסבלאט**" קאנט איהר פערקויפען געשעפטליכע בעציהונגען מיט מזרח־איראפא.

דער בעסטער און לעבעדיגסטער גרוס פון דער היים איז פאר אייך **דאס** „פאלקסבלאט". אדרעס:

Lodz, Petrokowska 37, Poland

באקאנטמאכונג

רעוו. א. קאצער

וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען

מוהל

זייט די לעצטע 20 יאהר האט געמופט פון 263 פארנסווארט אין

140 מערטורי, קאר. בראש

טעלעפאן: מארקעט 827

דר. ה. סטאריקאף

דענטיסט

דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

דר. ל. ע. בעלער

ספעציאליסט אויף אויגען, אויערען, נאז און האלדז קראנקהייטען 164 גרעשיאט עוו האפין טעאטער בלדג. טעל. טשערי 2702

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.

Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נעמאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פארדערט דוראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CIGAR MFG. CO

געמאכט און דעטראיט.

אוקלאנדער אידען

פיקסען זייערע

ציינער

ביי

Dr. H. Goodman

דענטיסט

נעמופט פון 427 וואודוואורד

737 אוקלאנד עוו.

שעכטער'ס דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.

טעלעפאן, טשערי 5763

פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

רעדאקשאן לכבוד פסח

סילקס, וואולענס, דרעסס גודס, ווי אויך פענסי טייבעל קלאטהס, קוירטענס, פענסי דריי־גודס.

מאכט קיין מיסטייק קומט צו די אמת'ע

Philadelphia Dress and Dry Goods Co

671 Hastings Street

Cor. Livingstone

ווילט איהר אייערע

טלעסער, שליסלען קארפענטער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט

גוט געמאכט און גאראנטירט? טו קומט צו

מ. דאמניטץ

245 מאנטקאלמסט.

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניוצטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטאָרס.

רעליייבל סטאר פיקטשור קא

305 גרעשיאט עוועניו

טעל. קאדילאק 2445

277 מישיגאן עוועניו

טעל. קאדילאק 4924 עס.

ל. ה. רייכלין

פון אהבת אחים שוהל

(אוקלאנד)

נעהמט אן **סדור קדושין**

און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהייט.

511 קעמעראן עוועניו

טעל. העמלאק 1130 דאבליו

מאושען-פיקטשור אפרייטארס

לערענט זיך פאר

לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שמינדען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School

33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

אונגארישער כשר רעסטאראן

בעסטע אונגארישע מאכלים;

דזשיי סיגעל און בארשי

אייגענטהימער

337 הייסטינגס סט.

אונזערע

דעטראיטער אגענטען

זיינען

דזשיי לעפקאווסקי און סאנס

בראדוויי מארקעט

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!

— די —

סטענדערד בארעל קא.

האט געמופט דעם אפיס אין

52 נאפאלעאן סט.

טעל, טשערי 8158

מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באטלס.

דוד האפמאן, סענעדזשער

עניים ואביונים,

אדער גליקליכע און אומגליקליכע

ראמאן — פון מרדכי ספעקטאר

(פארזעצונג)

פאר זיי אויך א שטעלע, פאר וואס זשע ניט, איך האב זיי פיעל געקושט, זיי האבען אויך געווײנט און זענען אוועקגעפאהרען.

לען לאה האט נאר דערהערט חייקעס נאמען — אז חייקע האט רייזעלען מיט שוויגערלען געגעבען א שטעלע, איז זי דערציטערט געווארען פון שרעק, א פראסט צוזאמען מיט א גרויסען שווייס האט זי דורכגענומען, זי האט געפיהלט ווי זי ווערט אהן מאכט, זי האט זיך מיט אלע כחות געשטארקט, נאר זי האט ניט געקאנט, זי איז אראבגעפאלען פון דער פריזבע, עס האט געגעבען א קלאפ, דער אלטער אידענעס שטעקען איז פון. שרעק ארויסגעפאלען פון איהרע הענד און זי האט אנגעהויבען מיט אלע נחות צו שרייען.

אין דער נאכט איז געוועזען נאך ניט שפעט, א סך זענען נאך געזעסען נעבען זייערע פריזבעס און ביי דער ראבער מורליטשקע אין שענק, די גאנצע טויטע נאס איז זיך כמעט אנגעלאפען, לאה איז געלעגען אויף דער ערד כמעט טויט, מען האט זי אוועקגעטראגען אין שענק, דארט האט מען זי אנגעהויבען רייבען מיט בראנפען, ביז זי איז עטוואס געקומען צו זיך, נאר זי האט ניט געקענט רעדען, די אויגען האבען זיך אין איהר געדרעהט, חייקע האט זיך געדרעהט ארום איהר ווי א פרומע גבאי'טע מיט אר חמנות פנים לאה האט זי דערקענט און געמאכט מיט די הענד און עפים געמאכט מיט די ליפען וואס קיינער האט ניט פארשטאנען.

פיעל האבען זיך געווערטעלט וועגען דער פרעמדער שלעפערין די האבען געזאגט אז זי קעהר זיין שכנה, אדער זי האט זיך צופיעל איבערגעגעסען אין א בעל־בית'שער קיך א. ז. וו., דערוייל האט מען געלאכט פון אלע זייטען און ווי באלד זי האט נאר געעפענט די אויגען זענען אלע אוועקגעגאנגען פון איהר. לאה איז געלעגען אין ווינקעל מיט דעם פנים צו דער וואנד נאר די אלטע אידענע מיט איהר שטעקען איז ניט אוועקגעגאנגען פון איהר.

— אידען, די פרעמדע אידענע איז זעהר קראנק, האט אנגעהויבען שרייען די אלטע אידענע, דאס גאנצע פנים און דאס גאנצע לייב פייערט איהר, זי קען אפילו ני טרעדען, מען דארף זי אוועקפיהרען אין שפיטאל אריין, חייקע האט אויך אנגעהויבען זאגען, אז זי וויל זי ניט איבערלאזען ביי זיך איבער דער נאכט זי זאל ניט האבען קיין אומגליק, מען זאל זי ארויסטראגען פון קרעטשמע.

(פארזעצונג פאלגט)

לכבוד פסח

מאכט אייערע קינדער פרעהליך פיר דעם קומענדען יום טוב. א שעהנע דרעס פיר אייער קליינע מיידעלע און אן אפ טו דייט סוט פיר אייער קליינעם באיעלע.

מיר האבען א פולע ליין פון

פון קינדער גודס וועלכעס באשטעהט פון נאר וואס אנגעקומענע נייע סטיילס פיר קומענדען יום טוב,

L. & L, Economy Store

1219 Hastings Street

(צווישען פאלמער און הענדרי)

מענס, ליידיעס און קינדער פורנישינג און א פולע ליין פון דרייגודס.

יום טוב און יוראפ

אז מ'פלעגט אריינקומען יום טוב אין א הויז, פלעגט עס שיינען אין יעדען ווינקעלע

דערמאהנט זיך נאר ווי יום־טוב־דיג אלעס איז געווען ביי אייער זיידען אין הויז. איהר האט יעצט בעסערע צייטען, און בעסערע געלעגענהייטען איינצוקויפען אויף יום טוב זילבערנע לייכטער, זילבערנע עסס־צייג, א פיינעם דיאמאנד און אנדערע ווערטפולע דזשועלערי. מיר געטרוי'ען אייך, און מיר גלויבען אייך ווייל אנדערע גלויבען אונז אויך. זייט ניט מקנא אייער שכן, זעהט זיך מיט מיר וועט ער אייך מקנא זיין ווייסט בלויז די 3 זאכען:



1. ביליגער ווי ווי דאון טאון

2. בעסערע סחורה

עהרליך בעהאנדעלט

גרעסטער האלסיל און ריטייל דזשועלערי סטאר אין דער איסט סייד.

מאַע עהרליך

קארנער אדאמס און הייסטינגס סטריט

עס וועקט געזוכט שאע איטשע רעזניק פון באברויסק, געוועזען אין דער היים א שלעסער. ביטע שיקט צו אייער אדרעס באקס 400 „וועג" אדער ווער עס ווייס פון איהר זאל לאזען וויסען אויף'ן איבענדערמאנטען אדרעס.

ווארע ביליג פאר סטאר־קיפערס און פעדלערס

ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס

מאקס ראזינסקי

353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

קוואסעלאוו און קאטליער'ס

האלסייל און ריטייל

דריי גודס, מענס און ליידיס פורנישינגס, נאַזי גודס א. ז. וו.

454 הייסטינגס סטריט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפּשמערצען אדער נערוועזיטעט, זאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגעברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

אפטאמעטריסט

Frosh O. D.

אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשועלערי סטאר.

נויארק סטאר קלאדינג קא.

596 הייסטינגס סטריט

זענט איהר איינגעלאדען צו באטראכטען אונזער

ספעשיל לכבוד פסח

ספרינג סוטס, טאפ קאוטס

און

העטס, דזשענטס פורנישינג, י אנג מענס און בא'ס קלאדינג

פרייזען ד ביליגסטע אין שטאדט

P. Bunin, Prop.

אלומינום און גראניט־וועהר לכבוד פסח

אויך א פולען ליין קראקערי־קריגט איהר ביי

א וויכטיגע ראלע פאר אן אקטיאר

„וואס פאר א ראלע זועל איך האבען אין דער דראמא? — האט אן אקטיאר געפרעגט דעם מענעדזשער פון טעאטער.

— איהר וועט שפּילען — האט דער מנעדזשער געענטפערט — די ראלע פון דער העלדין'ס פאטער.

— אלל רייט — האט דער אקטיאר געזאגט — וואס זשע דארף איך טאן?

— איהר דארפט שטארבען מיט צעהן יאהר פריהער איידער די האנדלונג קומט פאר. — האט דער מענעדזשער געענטפערט.

אינטעליגענטע

— ניט אויפרעגען זיך — האט דער דאקטאר געזאגט. ווערט פריהער געזונט.

— ניין, ניט געזונד ווערען! — דאס קען איך שוין ניט.

— וואס זשע פארט? — האט בלעך איהם שטיל א פרעג געגעבען.

— איך וויל באזוכען מאשאס און רבקה'לעס קברים, איינמאל זיך דארטען אויסוויינען און שטארבען מיט דעם גע־דאנק, אז איך האב אלע מיינע ליעבע געזעהן.

— רוף דאס ניט ליעבע — האסט זיי ניט באהאנדעלט ווי ליעבע! — האט מישא זיך ניט געקענט באהערשען און האט אויסגערופען צעוועהטאגט.

בעלל איז צוריקגעפאלען.

— מישא שוויינ! — האט מלכה'לע איהם בארוהיגט, — מאן דארף ניט רע־דען!

בעלל האט זיך ווידער אויפגעזעצט. זיינע אויגען זענען געווארען גרויס און האבען ארויסגעקוקט פון קאפ פון צוויי גריבלאך. די באקען זיינען איהם געווען רויט ווי פייער.

— איך האב אין מיין לעבען געליטען מעהר פון אייך אלעמען! — האט ער ארויסגערעדט און זיין שטימע איז איינ־גאנצען פערענדערט געווארען. מיט אמאל האט ער אנגעהויבען זינקען, אלץ נידער־ריגער, נידעריגער, האט מעהר נישט גע־רעדט. אויף זיין געזיכט האט זיך בא־וויזען א שמייכעל און ביסלעכווייז איז ער מיט דעם ראזיגען שמייכעל איינגע־שלאפען אזוי רוהיג ווי א קליין קינד.

ווייטער האט ער די אויגען פאנאנדער־געעפענט, האט געקוקט אויף אלעמען און אזוי קוקענדיג זיינען די אויגען געבליע־בען שטעהן ברייט אפען, אבער זיי האַ־בען שוין מעהר ניט געהאט אין זיך קיין שום גלאנץ. ער איז געווען טויט.

— דער טויט איז בארמהערציג צו אלעמען! — האט מישא שטיל אויסגע־רעדט. ער האט מעהר ניט געוויינט — ער האט ניט געלעבט ווי עס פאסט פאר א אינטעליגענט! — האט ער צוגעלעגט.

— שא! — האט מלכה'לע אויסגערו־פען, — אויף טויטע דארף מען קיין שלעכטעס ניט רעדען.

(ענדע)

פארלאנגט עקספּיריענסד קעכין אין א כשר'ן רעסטאראן. גוט באצאהלט, סטעדי פאזישאן. זיך מעלדען אין 44 בראדוויי יעדען טאג נאך דינער.

א געזונדטע און מונטערע בייבי איז א פרייד צו יעדע מוטער.

אלע בייבים אויב זיי קריגען די ריכטיגע שפּייז, וועלען זיי געדייהען און וואקסען געזונד און שטארק. אויב איהר קענט ניט זויגען אייער בייבי, ווארום זאלט איהר זיך פערלאזען אויף נסים מיט שפּייז וואס קען שאדען דער פערדייאונג. אייער ערשטער געדאנק זאל זיין

Borden's EAGLE BRAND
(CONDENSED MILK)

די שפּייז וואס איז געווען דער "ערשטער געדאנק" פון דריי דורות פון מוטערס. במעט אלע בייבים מאכען פונקט ליבען אין שנעלען פראגרעס די מינוט וואס מען הויבט זיי אן האדעווען מיט איגעל ברענד.

אויב איהר האט שוועריגקייט מיט אייער בייבי'ס שפּייז — אויב די בייבי געווינט ניט גענוג וואג ווי איהר דענקט, זי [illegible] איז איבערגערעגט, שיקט אונז היינט דעם קופאן און מיר וועלען אייך שיקען די שפּייז אינסטרוקציאנען געשריעבען אין אידיש און אויך א בייביבוך, פריי, און זיי וועלען אייך ערקלערען ווי צו האלטען אייער בייבי געזונד און שטארק.

פארגעסט זיך ניט פאר אייער צוקער און מילך סופּלאי. קויפט א קען איגעל ברענד היינט און יוזט עס צו אייער טיי און צו קאכען און באקען, אויך פיר קאפע אדער טשאקאלאד — און פאקט פאר יעדער זאך וואס איהר יוזט געוועהנליך מילך און צוקער — עס איז ביליגער און איז בעסער, ווייל ס'איז פון אזא הויכע קוואליטי און איבער די זעלבע גוטסקייט. אז ס'איז ווירקליך די בעסטע פיר אייער טיע.

דער לייבעל און נאמען איז אייער גאראנטי

עסטאבלירט 1857

צו בעקומען אין יעדען גוטען דראג אדער גראסערי סטאר

The Borden Company
108 HUDSON STREET
NEW YORK

שניידט אוים דיעזען קופאן. מארקט וועלכען ביכעלע איהר ווילט און מיילט היינט

Mrs. ....
Street ....
City ....
State ....

בייבי וועלפייר בוק.
רעסיפּי בוק

10

אנדערע בארדען פּראדוקטען:

בארדען'ס מאלטעד מילך — בארדען'ס מילך שאקאלאד
בארדען'ס קאנדענסד קאפע — בארדען'ס איוואפּארייטעד מילך

לכבוד פסח

אלע איקלאנדער אידען, מענער פרויען און קינ

דער קויפען זייערע

שיך

נאר אין

קאפלאנס קוואליטי שוה סטאר

301 וועסטמינסטער עוועניו

2 יאהר אין דעם זעלבען פלאץ. דער סטאר וואס האט א רעפּוטיישאן פאר קוואליטיס און גרויסע וועליוס און קליינע פרייזען.

מיר האבען דעם גרעסטען סטאק, די שענסטע פעשאנס און סייזען אייך פון $25 ביז $40 פראצענט אויף ספּרינג וועליוס. קומט אידען עס ווערט א ראש.

מיר גאראנטירען יעדע פאר שיך. געלט צוריק ווען ניט צופרידען.

פרייש ווי פון אויווען ארויס

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

די איינציגע מצה, וועלכע איז פאר־זיגעלט אין שטארקע קארטאנס (באקסעס) און געשיצט פון שמוץ, פייכטקייט און לופט בלייבט אי־מער פריש, קריכלע און בע'טעם'ט.

Levin Matzo Co.
Agents for Michigan State
Detroit Office 255 Napoleon St

מישיגאן סטייט אגענטען:
לעווין מצה קאמפאניע
דעטראיט אפיס: 255 נאפאלעאן סט.

דער נייער סעקשאן אין דעטראיט דארף סטריט רעילוועי עקסטענשאנס גלייך, אונטער וועמענס פלאן קענען מיר דאס קריגען?

מעיאר קאוזענס פלאן צו בויען הונדערט און פופציג מייל סטריט רעילוועי דארף ער דאך ערשט פריהער אויפבוי־ען אן ארגאניזיישאן וואס זאל דאס טאן. אזא ארגאניזיישאן איז נאך דערוויילע ניטא.

דארף ערשט קריגען בוי מאטעריאל און עס איז צווייפעלהאפט, אויב ער קען דאס קריגען. דערצו זענען דא מעג־ליכקייטען פאר געזעצליכע סכסוכים צווישען דער שטאט מיט דער קאר קא. וואס וועלען די זאך פארציהען אין דער לאנגער באנק אריין.

דער פלאן פון דער סטריט רעילוועי קאמפאני אויך דעטראיט זאל דעם פלאן אננעמען, קען ער גלייך דורכגעפיהרט ווערען פון אן ארגאניזאציאן וואס עקזיסטירט און האט גרייט דעם בוי מאטעריאל און וועט ניט פיהרען צו קיין לענגערע ליטיגעיטען.

בארעכענט. וועמענס פלאן וועט אייך געבען שנעלערע סערוויס

די סעקשאנס ארויסן שטאט ווילען שוין היינט צו טאג אז מען זאל זיי העלפען שנעלער צו קומען אין שטאט אריין. דער סיטיס קרעדיט קען באנוצט ווערען מען זאל זיי געבען סקוהלס, אלס ערלייטונג, סוערס, דאס זענען אלץ זאכען וואס זיי מוזען האבען.

ווארום ניט באנוצען פריוואט קאפיטאל פאר סטריט רעילוועיס און פאבליק קאפיטאל צו ענטוויקלען די אויסען שטאטישע סעקציעס?

סטאפּט! שטודירט. בארעכענט!

שטימט „ניין" אויף מעיאר קאוזענס פלאן.

Citizens' Committee on Street Railway Service

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

מיר ווערען פארגראשענט

אפילו אינזערע גרויסע אונזערע מעכטיגע יערען צעפיצעלט, פאר־קריינלעכט, פארגראשענט.

שטעלט איהר זיך פאר אז ביי אירגענד וועלכער ארימער קליינער נאציע זאל שוין זיין פאר א נאציאנאלער נויטווענדיגקייט צו שאפען א סומע פון פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר!

אינז איז זיך דאס שווער משער צו זיין.

עס הייבט זיך אונז אז אירגענד וועלכע נאציאנאליטעט אין אמעריקא וואס זאל זיין אין אינזער צאהל און אין אינזער פינאנציעלען מצב, וואלט צוליעב א קאנגרעס למשל, געשאפען 25 טויזענד דאלאר אין איין טאג.

פשוט צוויי מיטגליעדער פון דער נאציאן וואלטען זיך מטריח געווען צו פינף און צוואנציג פון די רייכערע און אט וואלט די סומע געדעקט געווארען.

ביי אונז איז מען פריהער היזערע געווארען שרייענדיג און אלע גאסען אז מען דארף, מען מוז האבען א אידישען קאנגרעס. און איצטער מאכט מען זיך צו שאנד און צו שפאט זאמלענדיג סענטלעך די לומפיגע סומע פון 25 טויזענד דאלאר אויף צו דעקען די הוצאות, וואס דער קאנגרעס האט קאסטען.

דריי און א האלב מיליאן אידען דארפען געבען פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר!

און צווישען די דריי מיט א האלבען מיליאן זיינען דא רייכע, גאנץ רייכע, גרויסע פינאנסירען און קאפיטאליסטען און אויך מיליאנערען ממש.

און אט דיעזע ריעזיגע צאהל אידען, בלי עין הרע, קען נישט דעקען ביז היינט די סומע פון 25 טויזענד דאלאר פאר אזא וויכטיגען צוועק ווי א קאנגרעס.

מעיאר קאוזענס וועגען מוניציפאלען באזיץ-רעכט

מיר גיבען דא איבער א סטענאגראפישען באריכט פון א רעדע, וואס מעיאר קאוזענס האט געהאלטען אין „אפען פארום" וועגען זיין פלאן צו בויען שטאטישע קאר־ליינס.

(פארזעצונג פאלגט)

אן ארענטליכער מענש

(הומארעסקע)
איבערזעצט פון ר. ד.

דער נאטשאלניק פון אונזער ביורא איז א מענש, וואס אויסער זעקס טויזענד רובעל א יאהר פענסיע און ברייטע פלייצעס האט ער נאך אויך... א גוטע לונגע אדער א שלעכטע לונגע.

אנטיסעמיטישע פארפאלגונג אין רומעניען נעהמען אן

באריכט

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

קארדינאל דבאו אין חיפה

קארדינאל דבאו האט לעצטענס גע־מאכט א באזוך אין פיעלע פלעצער אין ארץ ישראל. ווען ער איז געווען אין חיפה האט מען אים א באנקעט גע־מאכט, צו וועלכע נאר קריסטען און מו־סולמענער זיינען איינגעלאדעט געווא־רען.

דער מופתי, דער מוסולמאנער פאר־שטעהער, האט באגריסט דעם קארדינאל און געבעטען אים איבערצוגעבען דעם פאפסט אז ער זאל זיך משתדל זיין אז דאס לאנד וועלכעס איז אזוי הייליג צו מוסולמענער ווי צו קריסטען זאל ניט איבערגעגעבען ווערען צו די אידען. איך דער קריסטליכער פארשטעהער האט צו־געשטימט צו דיזע פאדערונג.

דער קארדינאל אבער האט זיי געענט־ווערט, ניישט ווי זיי האבען געוואלט ער האט געזאגט:

„אויב די פאראייניגטע האבען מנצח געווען זייערע שונאים איז דאס פיעל צו דאנקען די אידען וועלכע האבען זיי גע־האלפען מיט געלד און בלוט פון די ער־שטע טעג פון דער מלחמה. אויך אין די נייע הלואה וואס פראנקרייך מאכט־יעצט נעהמען די אידען אן אנגעזעהנעם אנטייל. מיר קענען ניט זיין אונדאנקבאר די אידען פאר זייערע טובות צו אונז. איבערהויפט איצט ווען די אידישע פרא־גע אין באצוג צו ארץ ישראל איז שוין ארויס פון די סטאדיום פון א פראגע. ס'איז שוין א פאקט.

קיינע פון די אנוועזענדע האט מער דאגעגען ניט גערעדט.

פיש האפען אין ארענדא

די ערלויבעניש צו כאפען פיש אין ים כנרת ווי אויך אויפ'ן ים ברעג פון עכו, חיפה, יפו און עזה האלט ביים ווערען ארענדירט פאר א יאר אדער דריי יאר. די ערלויבניש וועט גילטען פונ'ם ער־שטען מערץ.

„אגודת המגן" דער פאראיין צו באשיצען אידישע קינדער פון מיסיאן.

אין כ"ה טבת איז אבגעהאלטען געווא־רען אין יפו א באראטונג פון די „אגודת המגן" כדי אבצוגעבען א באריכט וועגען די טעטיגקייט פון דער פאראיין און אויך צו פארברייטען פלענער פאר ארבייט גע־גען כל מיני מיסיאנערן.

ה' מ. דגין האט איבערגעגעבען אן אויספירליכען באריכט וועגען דעם צו־שטאנד ביז איצט. ער האט אויסגערע־כענט אלע שולען און ווערקשטאטען וואס די מיסיאנערן האבען פאראנשטאל־טעט (ס'איז כדאי צו באצייכענען אז אין א שולע פאר נייען צאהלען זיי 4 שי־לינג א טאג יעדע תלמידה דעם ערשטען טאג פון איהר אריינגעהן, וועו זי האט נאך קיין ידיעה ניט אין דער ארבייט) און אויסגערעכענט די נסיונות וואס די „אגודת המגן" האט אונטערגענומען כדי צו שאפען ארבייט און לעבענס עקזיסטענץ פאר יונגע פרויען און מייד־לעך.

א חלק פון די מיידלעך וועלכע זיי־נען ארויסגעריסען געווארען פון די מי־סיאנערישע הענד ארבייטען איצט אין דריקערייען, ביי סטאליארעס, נעהען, וואשען, פרעסען א. אז. וו. אין בית־מלאכה פאר היטען באשעפטיגט 13 מייד־לעך. ס'איז אויך געגרינדעט געווארען א בית־מלאכה פאר נעהען וועש וועלכע בא־שעפטיגט 20 מיידלעך.

איבערגעבענדיג דעם פינאנציעלען בא־ריכט האט דער רעדנער געזאגט אז ער איז געקומען צו דעם באשלוס אז די „אגודת המגן" דארף באזירט ווערען אויף מסחר'שע יסודות, אויפ'ן יסוד פון חברים אקציעס, יעדע אקציע פון 1-2 שטערלינג. ס'קען דאמיט ענטוויקלען די אינערליכע קליינע אינדוסטריעס.

ס'איז באשטעטיגט געווארען צו גרינ־דען די אגודה אויפ'ן יסוד פון אקציעס — 1 מצריש פונט אן אקציע.

דר. סירקינ'ס פארטראג אין ירושלים.

אין א לעבעדיגען און רייכען העברע־איש האט דר. סירקין געהאלטען א גייס־טרייכע רעדע פאר א פובליקום פון אי־בער טויזענד.

„מיר פאדערען ניישט — האט דר. סירקין געזאגט — צו פארשליסען די טויערען פארן פריוואטען קאפיטאל. דער קבוצות, ארבייטער באזיצלונגען און וועל־כע בויען דאס אידישע לאנד, ווייל אזעלכער מוז זוכען ביליגע און פרעמדע ארבייט, און אזא פאליטיק איז א סכנה פאר'ן ישוב. דער אידישער ארבייטער וועט נישט וועלען און דארף נישט וועלען ווע־רען א עבד ביי בעליהבתים. זיי ווילען זיין אדנים צו זיך זעלבסט: דער וועג, דער ריכטיגער אויסוועג איז צו שאפען קבוצות, ארבייטער באזידלונגען און וועל־כער דער ארבייטער זאל ארבייטען ביי זיך זעלבסט, קאאפעראטיווען א. אז. וו.

די מאטעריעלע מיטלען דארפען זיין דורך א יערליכען שטייער אויף יעדען איד אין ארץ ישראל און אין גלות, ווי אויך א נאציאנאלע הלואה.

דער טערק דארף ארויסגעטרי־בען ווערען פון אייראפא, זאגט מארגענטוי.

הנרי מארגנטהוי, דער געוועזענער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין טערקיי, האט אדרעסירענדיג א פארזאמלונג אונ־טער דער השגחה פון דער הילפס - קאר־מיטעט פאר'ן נאהנטען מזרח, באהויפ־טעט דאס דער טערק דארף ארויסגע־טריבען ווערען פון אייראפא. און אויפ־געדופען דאס אמעריקאנער פאלק אויס־צודריקען א שטארקען פראטעסט נעגען די עקסצעסען, וואס קומען בסדר פאר אין נאהנטען מזרח.

„די ברישיש און פראנצויזישע פא־ליטיקער — זאגט ה' מארגענטהוי — האבען, צוליב אייגענע אינטערעסען, בא־שלאסען צו לאזען דעם טערק פארבלייבען אין קאנסטאנטינאפעל.

אויב מען וועט ערלויבען דעם טערק צו האבען די קאנטראל איבער דער פא־ליציי און געריכטס־אנשטאלטען, דאן זיי־נען די גריכען, סיריער, ארמענער און אידען אויסגעשטעלט צו דער גרעסטער סכנה.

„עס איז שוין צייט — זאגט ווייטער ה' מארגענטהוי — אז דאס אמעריקאנער פאלק זאל געבען דעם פראטעסטירען. עס איז א שאנדע אז די פעלקער וואס האבען געקעמפט פאר יושר און רעכט פאר די קליינע נאציאנאליטעטען זאלען אי־בערלאזען דעם טערק, וועמענס הענד זיי־נען נאך פארשמירט מיט בלוט, אין קאנ־סטאנטינאפעל.

„אויב מען וועט נישט באשטראפען דעם טערק דאן זאגט ה' מארגענטהוי, נביאות. אז אין משך פון דריי יאהר צייט וועלען די רוסען אויסקוילענען 2 ביז 3 מיליאן אידען. זייער טענה וועט זיין אז די געזעלשאפטליכע מיינונג האט נישט פראטעסטירט געגען דער שחיטה פון א מיליאן נפשות מצד דעם טערק. די פאראייניגטע שטאטען נעמט אויף זיך א געוואלדיגע פאראנטווארטליכקייט אויב זיי וועט נישט באשטראפען טער־קיי. דער קאנגרעס דארף גלייך באהאנ־דלען די פראגע".

הערבערט סעמועל פאהרט צו־ריק פון פאלעסטינא קיין ענגלאנד

הערבערט סעמועל, דער באקאנטער ענגלישער שטאטסמען און געוועזענער מיטגליעד פון דעם ענגלישען קאבינעט, וועלכער איז פון דער ענגלישער רעגירונג געשיקט געווארען אויף א ספעציעלער מיסיע קיין ארץ ישראל, האט איצט פאר ענדיגט זיין ארבייט און פאהרט צוריק קיין לאנדאן אפצוגעבען א רעפארט דער ענגלישער רעגירונג. דורכפאהרענדיג עגיפ־טען האט זיך מר. סעמועל באגעגענט מיט גענעראל אלענבי, וועלכער איז גע־ווען אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל און האט מיט איהם געהאט א זעקר לאנגע אונטערעדונג. אין פיעלע קרייזען גיט מען צו אט דיעזער אונטערעדונג זעהר גרויסע וויכטיגקייט. ווי באקאנט איז מר. סעמועל א גרויסער אנהענגער פון ציו־ניזם.

באפט פעטש פאר אן אידישער נאז

פאן בודאפעסט איז מען מודיע אז דאס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי גראף אנדרעסי וועלכער האט שפאציע־רענדיג אויף דער גאס, אריינגעבאנט עט־ליכע פיינע פעטש פון א גרופע אפיצירען וועלכע האבען איהם אנגענומען פאר א אידען, א דאנק צו זיין לאנגער אידישער נאז.

דאנקבארקייט

א דענטיסט וועלכער איז א ביסעל טויבליך, איז זונטאג געגאנגען דורך קווינבי סט. און אריבערגעהענדיג די גאס האט ער ניט געהערט ווי אן אוטא־מאביל קומט אן גראדע אויף איהם. ער וואלט־זיכער צורגבען געווארען אויף טויט, אבער גליקליכער ווייזע איז א פא־ליסמאן צוגעלאפען און האט איהם גע־ראטעוועט.

— אפיסער! — האט דער דענטיסט געזאגט דריקענדיג דעם, פאליסמאן'ס האנט. — איך ווייס ניט מיט וואס איך קען אייך באלוינען. קומט אין מיין אפיס און איך וועל אייך ארויסנעהמען אלע צייהנער ביז איינעם. אהן א פעני געלד!

ב. פיינגאז

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 היסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמע־ריקאנער דאלעארס.

קעדילאק 2061

די באריהמטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע און לאנג קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. אדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע אורדערס בעציייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder — Cherry 6203

שטאטישע בעאמטע

נייט די די. יו. אר.

זיינען פאראנטווארטליך

דערפאר וואס מען

פארציהט דאס אויפבויען

פון קארליינס

ארויס'ן שטאדט

אלס ענטפער צו די ווידערהאלטע ערקלעהרונגען וואס זוכען צו דיסקרעדיטירען צו די די יו אר וויל די קא. אפיציעל ער קלעהרען אז די

פאלט אויף דעטראיט'ס שטאטישע בעאמטע.

די קא. האט אין אלערליי צייטען געוואלט א פארשטענד־ניש מיט דער שטאדט אום צו קענען געבען דעטראיט בע־סערע סירוויס.

E. J. BURDICK,

General Manager

אידישע נייעס פון אלע וועלט טיילען

קארדינאל דבאו אין חיפה

קארדינאל דבאו האט לעצטענס געמאכט א באזוך אין פיעלע פלעצער אין ארץ ישראל. ווען ער איז געווען אין חיפה האט מען אים א באנקעט געמאכט, צו וועלכע נאר קריסטען און מוסולמענער זיינען איינגעלאדעט געווארען.

דער מופתי, דער מוסולמאנער פארשטעהער, האט באגריסט דעם קארדינאל און געבעטען אים איבערצוגעבען דעם פאפסט אז ער זאל זיך משתדל זיין אז דאס לאנד וועלכעס איז אזוי היילינ צו מוסולמענער ווי צו קריסטען זאל ניט איבערגעגעבען ווערען צו די אידען. „אויך דער קריסטליכער פארשטעהער האט צוגעשטימט צו דיזע פאדערונג.

דער קארדינאל אבער האט זיי געענטפערט, נישט ווי זיי האבען געוואלט ער האט געזאגט:

„אויב די פאראייניגטע האבען מנצח געווען זייערע שונאים איז דאס פיעל צו דאנקען די אידען וועלכע האבען זיי געהאלפען מיט געלד און בלוט פון די ערשטע טעג פון דער מלחמה. אויך אין די נייע הלואה וואס פראנקרייך מאכט יעצט נעהמען די אידען אן אנגעזעהענעם אנטייל. מיר קענען ניט זיין אונדאנקבאר די אידען פאר זייערע טובות צו אונז. איבערהויפט איצט. ווען די אידישע פראגע אין באצוג צו ארץ ישראל איז שוין ארויס פון די סטאדיום פון א פראגע. ס'איז שוין א פאקט.

קיינע פון די אנוועזענדע האט מער דאגעגען ניט גערעדט.

פיש האפען אין ארעגדא

די ערלויבניש צו כאפען פיש אין ים כנרת ווי אויך אויפ'ן ים ברעג פון עכו, חיפה, יפו און עזה האלט ביים ווערען ארענדירט פאר א יאר אדער דריי יאר. די ערלויבניש וועט גילטען פונ'ם ערשטען מערץ.

„אגודת המגן" דער פאראיין צו באשיצען אידישע קינדער פון מיסיאן.

אין כ"ח טבת איז אבגעהאלטען געווארען אין יפו א בארעטונג פון די „אגודת המגן" כדי אבצוגעבען א באריכט וועגען די טעטיגקייט פון דער פאראיין און אויך צו פארברייטען פלענער פאר ארבייט געגען כל מיני מיסיאנערן.

ה' מ. דגין האט איבערגעגעבען אן אויספירליכען באריכט וועגען דעם צושטאנד ביז איצט. ער האט אויסגערעכענט אלע שולען און ווערקשטאטען וואס די מיסיאנערן האבען פארגעשטאלט (ס'איז כדאי צו באצייכענען אז אין א שולע פאר נייען צאהלען זיי 4 שילינג א טאג יעדע תלמידה דעם ערשטען טאג פון איהר אריינגעהן, ווען זי האט נאך קיין ידיעה ניט אין דער ארבייט) און אויסגערעכענט די פאזיציעס וואס די „אגודת המגן" האט אונטערגענומען כדי צו שאפען ארבייט און לעבענס עקזיסטענץ פאר יונגע פרויען און מיידלעך.

א חלק פון די מיידלעך וועלכע זיינען ארויסגעריסען געווארען פון די מיסיאנערישע הענד ארבייטען איצט אין דרוקערייען, ביי סטאליארעס, נעהען, וואשען, פרעסען א. אז. וו. אין בית מלאכה פאר היטען באשעפטיגט 13 מיידלעך. ס'איז אויך געגרינדעט געווארען א בית-מלאכה פאר נעהען וועש וועלכע באשעפטיגט 20 מיידלעך.

איבערגעבענדיג דעם פינאנציעלען באריכט האט דער רעדנער געזאגט אז ער איז געקומען צו דעם באשלוס אז די „אגודת המגן" דארף באזירט ווערען אויף מסחר'שע יסודות, אויפ'ן יסוד פון חברים אקציעס, יעדע אקציע פון 1-2 שטערלינגס ס'קען דאמיט ענטוויקלען די אינערליכע קליינע אינדוסטריעס.

ס'איז באשטעטיגט געווארען צו גרינדען די אגודה אויפ'ן יסוד פון אקציעס — 1 מצרישען פונט אן אקציע.

דר. סירקינ'ס פארטראג אין ירושלים.

אין א לעבעדיגען און רייכען העברעאיש האט דר. סירקין געהאלטען א גייסטרייכע רעדע פאר א פובליקום פון אי־בער טויזענד.

„מיר פאדערען נישט — האט דר. סירקין געזאגט — צו פארשלינגען די מוי

ערען פארן פריוואטען קאפיטאל. דער קבוצות, ארבייטער באזיצלונגען און וועלכע בויען דאס אידישע לאנד, ווייל אזעלכער מוז זוכען ביליגע און פרעמדע ארבייט, און אזא פאליטיק איז א סכנה פאר'ן ישוב. דער אידישער ארבייטער וועט נישט וועלען און דארף נישט וועלען ווערען א עבד ביי בעליהבתים. זיי ווילען זיין אדנים צו זיך זעלבסט: דער וועג, דער ריכטיגער אויסוועג איז צו שאפען קבוצות, ארבייטער באזידלונגען אין וועלכער דער ארבייטער זאל ארבייטען ביי זיך זעלבסט, קאאפעראטיווען א. אז. וו.

די מאטעריעלע מיטלען דארפען זיין דורך א יערליכען שטייער אויף יעדען איד אין ארץ ישראל און אין גלות, ווי אויך א נאציאנאלע הלואה.

דער טערק דארף ארויסגעטריבען ווערען פון אייראפא, זאגט מארגענטוי.

הנרי מארגענטהוי, דער געוועזענער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין טערקיי, האט אדרעסירענדיג א פארזאמלונג אונטער דער השגחה פון דער הילפס - קאמיטעט פאר'ן נאהנטען מזרח, באהויפטעט דאס דער טערק דארף ארויסגעטריבען ווערען פון אייראפא. און אויפגערופען דאס אמעריקאנער פאלק אויסצודריקען א שטארקען פראטעסט געגען די עקסצעסען, וואס קומען בסדר פאר אין נאהנטען מזרח.

„די בריטישע און פראנצויזישע פאליטיקער — זאגט ה' מארגענטהוי — האבען, צוליב אייגענע אינטערעסען, באשלאסען צו לאזען דעם טערק פארבלייבען אין קאנסטאנטינאפעל.

אויב מען וועט ערלויבען דעם טערק צו האבען די קאנטראל איבער דער פאליציי און געריכטס-אנשטאלטען, דאן זיינען די גריכער, סיריער, ארמענער און אידען אויסגעשטעלט צו דער גרעסטער סכנה.

„עס איז שוין צייט — זאגט ווייטער ה' מארגענטהוי — אז דאס אמעריקאנער פאלק זאל נעגען דעם פראטעסטירען. עס איז א שאנדע אז די פעלקער וואס האבען געקעמפט פאר יושר און רעכט פאר די קליינע נאציאנאליטעטען זאלען איבערלאזען דעם טערק, וועמענס הענד זיינען נאך פארשמירט מיט בלוט, אין קאנסטאנטינאפעל.

„אויב מען וועט נישט באשטראפען דעם טערק דאן זאגט ה' מארגענטהוי, נביאות. אז אין משך פון דריי יאהר צייט וועלען די רוסען אויסקוילענען 2 ביז 3 מיליאן אידען. זייער טענה וועט זיין אז די נעוועלשאפטליכע מיינונג האט נישט פראטעסטירט געגען דער שחיטה פון א מיליאן נפשות מצד דעם טערק. די פאראייניגטע שטאטען נעמט אויף זיך א געוואלדיגע פאראנטווארטליכקייט אויב זיי וועט נישט באשטראפען טערקיי. דער קאנגרעס דארף גלייך באהאנדלען די פראגע".

הערבערט סעמועל פאהרט צוריק פון פאלעסטינא קיין ענגלאנד

הערבערט סעמועל, דער באקאנטער ענגלישער שטאטסמאן און געוועזענער מיטגליעד פון דעם ענגלישען קאבינעט, וועלכער איז פון דער ענגלישער רעגירונג געשיקט געווארען אויף א ספעציעלער מיסיע קיין ארץ ישראל, האט איצט פארענדיגט זיין ארבייט און פאהרט צוריק קיין לאנדאן אפצוגעבען א רעפארט דער ענגלישער רעגירונג. דורכפאהרענדיג עגיפטען האט זיך מר. סעמועל באגעגענט מיט גענעראל אלענבי, וועלכער איז געווען אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל און האט מיט איהם געהאט א זעהר לאנגע אונטערערדונג. אין פיעלע קרייזען ניט מען צו אט דיעזער אונטערערדונג זעהר גרויסע וויכטיגקייט. ווי באקאנט איז מר. סעמועל א גרויסער אנהענגער פון ציוניזם.

באפט פעטש פאר אן אידישער נאז

פאן בודאפעסט איז מען מודיע אז דאס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי גראף אנדרעסי וועלכער האט שפאציערענדיג אויף דער גאס, אריינגעבאנט עטליכע פיינע פעטש פון א גרופע אפיצירען וועלכע האבען איהם אנגענומען פאר א אידען, א דאנק זיין לאנגער אידישער נאז.

דאנקבארקייט

א דענטיסט וועלכער איז א ביסעל טייבליך, איז זונטאג געגאנגען דורך קווינבי סט. און איבערגעהענדיג די גאס האט ער ניט געהערט ווי אן אוטאמאביל קומט אן גראדע אויף איהם. ער וואלט זיכער צוריבען געווארען אויף טויט, אבער גליקליכער ווייזע איז א פאליסמאן צוגעלאפען און האט איהם געראטעוועט.

— אפיסער! — האט דער דענטיסט געזאגט דריקענדיג דעם פאליסמאן'ס האנט. — איך ווייס ניט מיט וואס איך קען איך באלוינען. קומט אין מיין אפיס און איך וועל אייך ארויסנעהמען אלע ציינער ביז איינעם, אהן א פעני געלד!

ב. פיינגאן

דער זיכערסטער וועג צו

שיקען געלט

צו אייערע קרובים איז

— דורך דער —

פיפלס רעליעף

וועלכע טוט עס פאר אייך בלויז

פאר פאסט קאסטען

490 הייסטינגס סטריט

געלט ווערט געשיקט אין אמעריקאנער דאלערס

קעדילאק 2061

די באריהמטע

ר'ב מאיר לאנדאן'ס

מצות

אין דעטראיט

50 יאהר אנערקענט פאר די בעסטע אין לאנד קאסט ביליגער ווי געוועהנליכע מצות.

פערלאנגט פון גראסער בלויז

ר' מאיר לאנדאן'ס

מצות און האט הנאה פון פסח. ארדערט באלד מיזות, מצה מעהל, קייק מעהל און פארפעל.

גראסערי לייטע מאכט אייערע ארדערס בעצייטענס

O. K. Grocery

478 Rivard St. Cor. Winder Cherry 6203

שטאטישע בעאמטע

ניט די די. יו. אר.

זיינען פאראנטווארטליך

דערפאר וואס מען

פארציהט דאס אויפבויען

פון קארליינס

ארויס'ן שטאדט

אלס ענטפער צו די ווידערהאלטע ערקלעהרונגען וואס זוכען צו דיסקרעדיטירען צו די די יו אר וויל די קא. אפיציעל ערקלעהרען אז די

פאלט אויף דעטראיט'ס שטאטישע בעאמטע.

די קא. האט אין אלערליי צייטען געוואלט א פארשטענדניש מיט דער שטאדט אום צו קענען געבען דעטראיט בעסערע סערוויס.

E. J. BURDICK,

General Manager

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

פט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

די נארישע מארטירער וואס שלעפען זיך מיט קינדער שפעט ביינאכט

פון ב. י. ג—ן

דאס ליב עלטערען ווילען האבען פארגעניגען און נחת פון זייערע קינדער, און זיינען קנאפע בעלנים איז צו געבען זייערע פארגעניגענס צוליעב די קינדער.

פון איבעראייך קען זיך אויסדוכטען, אז דאס איז א פאלשע באהויפטונג, אז אין דעם איז פאראן א גרויסע גוזמא. ווארים קארג זייגען זיך דען עלטערען מקריב צוליעב די קינדער, קארג דען אייגענע פארגעניגענס דהיינו קען זיי אונטער צוליעב די קינדער?

אייך דאס איז אמת!

עלטערען זיינען זיך מקריב פאר קינדער און דיזעלבע עלטערען זיינען נישט איין מאל מקריב די קינדער צוליעב זייער "פלעזשור".

איהר געהט צו א קאנצערט אויף דער אידישער גאס, געהט אין א מו־וויע פיקטשור טעאטער און דעם אידישען קווארטאל, געהט אין א אידיש טעאטער און איהר וועט זיך איבערצייגען אז מיר זייגען נארנישט מגזם און אז אונזער באהויפטונג איז אמת.

געהט צו א אידישער חתונה און צעהלט דארטען נאר איבער די קינדערשע קערידזשלעך און איהר וועט זיך איבערצייגען אז עס איז נישט א טראפען איבערטריבען, ווען מיר זאגען אז ס"רוב אידישע עלטערען זייגען מקריב זייערע קינדער צוליעב "פלעזשור".

עס איז גאך מוחל צו זיין ווען מען האלט אמאל אויף אן עלטער קינד פון צו שלאפען אין צייט.

עלטערע קינדער — זאגען אונז אייניגע — האבען מאנכעס מאל אזא הנאה פון מוזיק, פון טעאטער, אז צוליעב דעם אליין איז בדאי אמאל ארויסצונעהמען זיי פון זייער געווייגליכען און זיי איבהאלטען מעהר א שעה, אדער צוויי אין דער נאכט.

ווען איהר זעהט אבער ווי מאמע טאטע געהן פונם טעאטער, פון א חתונה, אדער פון א קאנצערט און טראגען זייערע פארשלאפענע און אויסגעמוטשעטע קינדערלעך אויף די הענט, מיט פארשלאפענע קעפלעך, מעהרערע מאל וויינענדיגע, מוז עס אייך פארדריסען ווארום די דאזיגע עלטערען מוטשען זייערע פיצלעך קינדער צוליעב זייער "פלעזשור".

מען רעדט שוין נישט פון דעם וואס האלטען א קינד אין א פארשטיקטען טעאטער פיער שעה צייט אדער עפוואס ייעניגער איז שעדליך און עס מוז זיך אפרופען אויף דעם קינדס געזונד. מען רעדט שוין נישט פון דעם וואס אויף א חתונה ווערען מאנכעס מאל ביי די מחותנים אנגעפאקעוועט די חדרים מיט מענשען ווי די הערינג אין א פעסעל און דאס איז בודאי ווייניג וואס רפואה פאר קינדער — דארפען וועלען מיר דאס מאל נישט ריידען. וויגע עלטערען ווייסען דאס אליין און דאך קימערען זיי זיך נישט.

דאס אויפהאלטען די קינדער פון זייער שלאף — איז אבער שעדליך. שעדליכער די היתום וואס ווי ווערען איינגערעדט, אינגיכער און זיי נען וועהר עלול צו פארקיהלען זיך און קראנק ווערען.

א קינד מוז זיין אין בעט, אמשפעטסטענס פון אכט אזייגער אן.

איבררייסען א קינד פון שלאף, שלעפען דאס איבער דער האלטער לופט אין מיטען דער נאכט, מוז זיך אויי שטארק אפרופען אויף דעם קינד, אז מען זאל דאס נאכדעם נישט בעגען ראדריבטען וואבען אין חדשים לאנג.

פון א געשטיקטען, צוווארימטען חדר פאלד ארויס אויף א קאלטער, פייכטער לופט מוז אמאל איינזעצען אפילו אייך און עלטערען. דער וואקסענדע מענשען צו א ראדיקאלער און נישט זעלטען צו א געפערליכער פארקיהלונג. שוין א כל שכן א קינד.

איבערהויפט פארדריסט דאס דעם זייטיגען מענשען ווען ער זעהט ווי אידישע עלטערען שלעפען זיך ביינאכט מיט זייערע פיצלעך קינדער פון די מאווינג פיקטשורס.

איז דען נישט מעגליך צו געהן אין א מאווינג פיקטשור טעאטער ארום זיבען, אדער נאך פריהער? און אויב מען קען דאס נישט באהויפטען, איז דאך שוין גלייבער אז איין טאג זאל געהן די מוטער, דעם צווייטען טאג דער פאטער, אום אימיצער זאל בלייבען מיט די קינדער אין דער היים און פארשפארען זיי שלעפען אין דער נאכט און איבעצען זיי צו געפאהר?

און קען מען דאך דא איבפירהען צו געהן זונטאג, אדער אן אנדער דיר טאג אין טעאטער, אדער אין מאווינג פיקטשורס צו א מאטינע.

יענע עלטערען וואס שלעפען זיך מיט זייערע קינדער אין די טעאטערס מיינען, אז זיי זיינען מארטירער, אז זיי רימען אפ צוליעב די קינדער.

וואס זשע טוט מען? קען מען זיך דען אפשליסען צוליעב די קינדער און אין ערגעץ נישט געהן?

דאס איז א פראגע אויף וועלכער מען קען ענטפערען מיט דעם רוסישען ווערטעל: — "ווילסט שלינגען זיך, טא שלעפ זשע דעם שליטען בארג ארויף". וויל מען נחת האבען פון די קינדער, וויל מען געזונדע קינדער האבען און וויל מען זיך צרות פארשפארען פון קינדער — טא זאל מען די אייגענע "פלעזשור" און "אמיוזמענטס" אפלעגען אויף עטליכע יאהר, ביז די קינדער וועלען אויפוואקסען.

זאלען די ווייניג פארמעגליכע עלטערען זיך ביטען: איין מאל זאל ער און א צווייטען מאל זאל זי בלייבען מיט די קינדער. ווארים אפילו צו א מאטינע איז נישט גאר האטוואס מיטצונעהמען די פיצלעך קינדערלעך אין די הייסע און פארשטיקטע טעאטערס.

מיט קינדער פיער פינף יאהר אלט קען מען געהן צו א מאטינע, עלטערע קען מען צוגעוועהגען צו א טעאטער פארשטעלונג. שלעפען זיי אבער צו חתונות איז זיכער שעדליך.

דאס איז גערעדט ביי קינדער וואס קענען שוין געהן. עס זייגען אבער פאראן א סך עלטערען וואס שלעפען זיך מיט פיצלעך קינדערלעך און די בייבי קערידזשעס, עופ"ה לעך וואס זייגען קיים צוויי, דריי יאהר אלט און אמאל נאך קלענערע, שלעפען זיך מיט זיי פון די טעאטערס, פון חתונות, אדער פון מאווינג פיקטשורס — אזעלכע עלטערען מעג מען בפירוש צורעכגען צו יענע וואס זייגען מקריב זייערע קינדער צוליעב זייער פלעזשור.

והשתיה כדת ארבע כוסות זיינען ערלויבט

סוף כל סוף זיינען מיר איבערגעקומען די מלחמה און סוף כל סוף איז מעגליך געווען צו באקומען דאס פראהיבישאן געזעץ צוליעב דער אידישער רעליגיע. ווי באוואוסט האט מען מיט צוויי יאהר צוריק גענומען אפשטעלען די טראנספארטאציע פון כרמל ווין. עס איז ניט מעגליך געווען צו שיקען ווין פון ארץ ישראל; די רעגירונג ווידער האט דורכגעפיהרט דעם פראהיבישאן אקט און אט די צוויי וויכטיגע געשעהענישען האבען אפגעשטעלט דעם ווין פארקויף.

איצט איז נאך פיעל מיה געלונגען די אמעריקאנער פארשטעהער פון אידישער רעליגיאן צו באקומען אן ערלויבניש צו פארקויפען וויין פאר ריטועלע צוועקען. און אלע אידישע צענטערס האבען זיך נעמענט וויין קראמען.

א וויין געשעפט האט זיך איצט געעפענט אויך אין דעטראיט אויף 407 הייסטינגס סט. צווישען האי און נאפאלעאן.

עס איז נאך איז נישט מעגליך געווען צו באקומען א גרויסען זאפאס כרמל, אבער דערפאר איז געלונגען צו באקומען פולען זאפאס קאליפארניער וויין — דער בעסטער אין אמעריקא.

דער זאפאס כרמל קומט דירעקט פון ארץ ישראל און דאס איז נאר מעגליך געווען דערפאר וואס ה' אליהו זאב הלוי לעווינ־עפשטיין וועלכער איז פון ערשטע טאג אז פארבגדען מיט'ן כרמל ווין און שטעהט תמיד און בער שפיצע פון כרמל געשעפט און דא, אי דעטראיט שטעהט מר. לעווינ־עפשטיין'ס זוהן אלס מענעדזשער פון דער ווין סטאר אויף 407 הייסטינגס סט. דערפאר האט איהם דער פאטער דעם גרעסטען זאפאס כרמל צוגעשיקט.

רבי מיגרית און רבי קליין האבען געגעבען דעם הכשר אויף'ן קאליפארניער וויין און דער הונער ועד הרבנים באשטעהענד פון הרב ר' יהודה ליב לעווין, הרב ר' יחזקאל אליישיקין, הרב יוסף תאומים, הרב ר' יוסף הלוי אייזענמאן, בהשגחת ר' שבתי שאולזאן, האט דעם אויפזיכט אויף דעם וויין און היטען אז אלעס זאל זיין כשר לפסח אפילו צו די מדקדקים.

עס האט אויפמערקזאם געמאכט דער מענעדזשער פון דעם וויין געשעפט אויף 407 הייסטינגס סטריט, אז אום צו פארמיידען ענגשאפט זאל דער עולם וואס פריהער קויפען זיין וויין אום צו האבען אן אמת'ן עונג יום טוב און עונג פסח.

באצייטענס קויפען מיינט אויך אז דער קונה וועט מעגליכקייט און צייט האבען זיין וויין אויסצוקלייבען לויט זיין געשמאק, און פון וואס אויסצוקלייבען זיך איז ב"ה פאראן איבערגענוג.

אצה מעהל איז אפט וויכטיגער ווי מצה זעלבסט

די מאנישעוויטץ מצה קאמפאניע איז די איינציגע מצה פירמא, וואס האט אין זינען, אז די מצה מעהל זאל זיין פון דער זעלבער הויכער קוואליטעט ווי די מצות. ווי באקאנט זיינען די מאנישעוויטץ מצות די איינציגע, וואס קומען ארויס אלע גלייך. אלע פון איין און דער זעלבער דינקייט, איינע און דער זעלבער שעהנקייט, די זעלבע ברוינקייט, דער זעלבער טעם. אלע פון איין קוואליטי און אויך די מצה מעהל איז די זעלבע, ווייל מאנישעוויטץ מצה מעהל ווערט ניט געמאכט פון מצה אבפאל, פאר די מצה מעהל ווערט ספעציעל געבאקען מצות און דאס ווערט געמאהלען אין ספעציעלע מצה מיהלען, וואס גיבען ארויס די פיינסטע, רייגסטע מצה־מעהל וואס איז נור מעגליך.

די מאנישעוויטץ פירמא האט געם פענדעט הונדערטער טויזענדער דאלאר פאר מאשינעריע און קויפט צו און צו צייט די איפפראוועמענטס צייגען, און די פירמא איז לעבדיג און אז דער וואונש פון די אידען וואס עסען איהר מצה איז ביי איהר הייליג און טהייער. דאס פערזאבט דארום אז די מאנישעוויץ מצה זאל מיט רעכט פעדיענען דעם טיטעל וואס די גאנצע וועלט האט איהר געגעבען "די מצה מיט אלע מעלות".

פאר אייער געלד זיינט איהר בערעכטיגט צו די בעסטע; זעהט איהר זאלט עס קריגען. קויפט נור מאנישעוויטץ'ס און פארגעסט ניט צו קויפען מיט'ן נאמען, ווייל סתם מצה איז ניט מאנישעוויטץ'ס מצה "סיעסינעטי" איז אויך ניט מאנישעוויטץ'ס מצה, מען מוז זאגען, פערלאנגען און אויסדריקליך בעטען "מאנישעוויטץ" און אכטונג געבען אויפ'ן פעקעדזש אז עס זאל זיין געדרוקט דער נאמען מאנישעוויץ דארויף. דאס איז אייער גאראנטי און דער ראטה איז אייך לטובה.

ווארנונג פונ'ם אוקראינער פארבאנד

מען לאזט אונז וויסען, אז עס פאהרט ארום א יונגערמאן און קאלעקטירט געלד פאר'ן אוקראינער פארבאנד.

מיר ערקלעהרען דא, אז מיר האבען קיינעם ניט באאויפטראגט און קיינעם ניט געגעבען קיין רעכט צו זאמלען פאר אונז געלד.

אויב דער פארבאנד וועט געפינען פאר נויטיג ארויסצושיקען א קאלעקטאר וועט ער זוכען דעם לאזען אפיציעל וויסען זיינע ברענטשעס וויאויך אין דער פרעסע.

אין נאמען פונ'ם פארבאנד
דר. יעקב גרינפעלד
עקטינג־סעקרעטאר

צוויי מעיארס

פון ה. ה.

ארטיקעל דריי

א פאר טרוקענע פאקטען וועגען מוניסיפאל אנערשיפ קאר ליינס.

מיר ווילען אייך אין דיזען ארטיקעל דערצעהלען א פאר טרוקענע פאקטען וועגען א מעיאר וואס האט געקעמפט פאר מוניסיפאל אונערשיפ און וואס ער האט זיך דערוואוסט און ער האט איינגעפיהרט מוניסיפאלע קאר ליינס אין זיין שטאדט.

דער מעיאר איז אלא האנסאן פון סיאטעל וואשינגטאן.

מר. האנסאן איז אמאל געווען איבערצייגט אז סיאטעל קען, מוז און דארף האבען מוניסיפאל אנערשיפ.

מר. האנסאן, זייענדיג מעיאר האט רעאליזירט זיינע פלענער אויף דער סקייל פון פיעס. מיעל אפערייישאן און דער רעזולטאט איז געווען א גרויסער דעפעציט. היינט צו טאג האט מר. האנסאן די ביטערע ערפאהרונג און ניט נאר איז ער שוין מעהר ניט ענטוזיאסטיש פאר דעם מוניסיפאל אנערשיפ פלאן, נאר ער זעהט ווי שעדליך און געפעהרליך אזא פלאן איז.

מר. האנסאן איז די טעג געווען געלאדען קיין טאלעדא צו דעם קיוואנים קלאב און ער האט זיי דערצעהלט פון זיין ערפאהרונג און אט וואס מר. האנסאן זאגט:

1) מענעדזשערס וואס האבען נעארבעט פאר קליינע געהאלט האבען ארייגגעטראגען די ביזנעס אין די הענט פון אלטע לייט און יונגע אונערפאהרענע לעהרענאינגלאך.

2) ארבעטער באטראכטען די סטריט רעילוועים טרעזשורי אלס אן אייביגען קריסטמעס־בוים, פון וועמען מען קען רייסען וואס און ווען מען וויל.

3) די גאנצע זאך ווערט א פאליטישער פוסבאל.

4) עס ענטוויקעלט ניט לאיאליטעט.

5) מאכענדיג יעדען אומצופרידענעם ארבעטער א שונא פון דער רעגירונג עס ברענגט צו ניט עקאנאמישע אפערייישאנס אויסמיידענדיג פארבעסערונגען

ווייל מען וויל שניידען די אויסגאבען ווייטער האט מר. האנסאן געזאגט אז:

— איהר וועט אויסגעפינען אז די וואס מענעדזשען אייערע ביזנעס וועלען פארקויפען וואס עס לאזט זיך ארער וועלען אויסבויען וואס עס איז פונקט ערב עלעקשאן, כדי אנצוהאלטען זייערע דזשאבס. דער לעצטער פגיט אין סעאטעל וועגען דעם סיטי גאווערנמענט האט זיך געדרעהט ארום דער סיטי רעילוועי פראגע און יעדער איינער האט געשטימט פאר א פלייט, וואו עס איז געווען איינער וואס האט איהם צוגעזאגט צו העכערען וויידזשעס דאס אלעם דערצעהלט אלא האנסאן, איינער וואס ווען זייענדיג מעיאר האט רעאליזירט מוניסיפאל אונערשיפ רעלוועיס.

אונזער מעיאר קאזענס האט דאס געדרעהט — דארפט גוט גערענקען, יעצט אוידער דאס פאלק געהט שטימען פאר דעם פלאן עס איז ניט קיין קונץ ארייגצושלעפען א שטאדט אין א געפאהר, אז עס זאל געשאפען ווערען אומצופרידענהייט, ניט לאיאליטעט צו דער שטאטישער אדמיניסטראציע בלויז דערפאר ווייל אייניגע פאליטישענס מוזען שאפען א "אישו" צו יענען קעמפיין.

דער לעססאן פון סיאטעל דארף זיין א געגוגענדע ווארנונג פאר דער שטאדט דעטראיט. מוניסיפאל אנערשיפ אין דעטראיט וואלט געהייסען א געפעהרליכע פאליטישע מאשין.

און דער דורכשניטליכער קאר פאסאזשיר האט ניט קיין פאליטישע אמביציעס און דארף זיך ניט לאזען פארפיהרען *)

„לכל עת" אויף אלעס קומט א צייט

און אויך אויף דעטראיט איז געקומען א צייט. איך מיין אקעגען דעם וואס איהר זאגט א שנארער אסאסיאיישאן.

לכן זיים וויסען אז אין דעטראיט האט זיך געגרינדעט א שנארער אסאסיאיישאן מיט אלע קליפעלאך מיט אלע שטיק און שטיקלעך, טאקע להבדיל ווי ביי אמת'ע שנארער. און כל דיכפין יתי ויאכל, דאס הייסט ווער עס וויל געשנארעט ווערען און אליין אויך ווערען א שנארער. איז צו יעדער צייט ביי אונז ווילקאמען און וויסט איהר וואו, טאקע אין לייבאר ליסטינגס — (לייבאר לייסעאום בל"ז.) זונטאג אווענט 4 אפריל 8 אזייגער. פאר אויסקונפטע. אז איהר וועט זיין וועט איהר אי"הש שוין אליין אויסגעפינען.

מיט איינענער האנט אונטערצייכענט זיך מיניסטער פון אינערליכע און אויסערליכע אנגעלעגענהייטען

ה. ר.

מיר דארפען

לעאנארד וואוד

ווייל וואוד ווייסט וואס מיר דארפען און האט צוגעזאגט צו זעהן אז מיר זאלען דאס קריגען

קריגען אן ארמיניסטראצ וואוד וועט זעהן, אז מיר זאלען יאן אין וואשינגטאן, וועלכע וועט ווייניגער רידען און טוהן מעהר ארבייט; וועלכע וועט זיין צוזאמענגעשטעלט פון די שטארקסטע מענשען וועלכע מיקען קריגען. וועט זיי געבען אויטאריטעט, וועט זיי האלטען פאראנטווארטליך און זי געבען דעם פארדיענטען קרעדיט; וועלכע וועט זיצען אין די פאמיליע ראטהען פון די נאציאנען מיט א ניכטערען אויג פאר פריעדען, מיט א פריינדליכען געדאנק צו אלעמען, און מיט א פעהיגען פויסט אויב א קאמף וועט זיין אונפערמיידליך; וועלכע וועט טוהן אלעס, וואס א רעגירונג קען מיהן צו העלפען העהרליכע געשעפטען, קיינע אדער גרויסע אין לאנד אדער אין אויסלאנד, זיך צו פארגרעסערען;

וואוד וועט זעהן, אז אמעריקאנער זאלען קריגען א "סקווער דיעל" פון אמעריקא.

דאס איז א צוזאג וואנטער וועלכער עס שטעהען 35 יאהר פון כאליגע אויספיהרונג פעהיגקייטען. וואוד איז ניט קיין עקספערימענט. ער האט אלע זיינע פארשפרעכען שטענדיג גוט געמאכט.

לעאנארד וואוד

דער אלל-אמעריקאנער

דיעזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט פון דער לעאנארד וואוד ליעג פון מישיגאן. פ. מ. אלנער פרעז. וו ס. פייפער וו. פרעז. ס. א. ווייזנער, סעק. און טרעזשורער